# דיא צוקונפט

א וויסענשאפטליך-סאציאליסטישע-
מאנאטשריפט
ארויסגעגעבן
פון דיא "צוקונפט"
קאאפעריישאן

אינהאלטס פערצייכניס :

## סאציאליזמוס
## וויסענשאפט
## ליטעראטור
## און
## פאעזיע



1902

ניו-יארק

1749

3 9097 00958795 8

Brandeis University
Library

אמת
TRUTH · EVEN · UNTO · ITS · INNERMOST · PARTS

*The Gift of*

Workmen's Circle
Brockton
Mass.

[illegible]



הערבערט ספּענסער.

Di tsukunft
PJ5111 T7 1904

# דיא צוקונפט

No. 1 (25) JANUARY 1904. Volume 3




## דיא נייע וועלט אין דער אַלטער.

נאך א יאהר איז אוועק. עס איז געווען א יאהר פון אפיציעלען „שלום.“ קיין מלחמות צווישען פארשיעדענע פעלקער און נאציאנען זיינען ניט פארגעקומען. פארקעהרט, דיא „וועלט־הערשער“ האבען געהאלטען אין איין וויזיטען מאכען איינע דיא אנדערע, אין איין קושען זיך, האלזען זיך, אין איין אויסדריקען זיסע, „ברידערליכע“ געפיהלען. דיא פערשיעדענע לענדער און מלוכות האבען שליעסליך דורכגעמאכט א יאהר אהן מלחמות, חאטש זיי זיינען געשטאנען שטענדיג מיט אויסגעשטעלטע פויכטען, בעוואפענט פון קאפ ביז דיא פיס. אבער אין יעדען לאנד, אין יעדער מלוכה האט דער גרויסער וועלטקאמפף ניט גערוהט.

דער קאמפף צווישען קאפיטאליסטען און ארבייטער; צווישען עקספלאאטירענדע און עקספלאאטירטע; צווישען דיא אלטע וועלט פון רויב און אונטערדריקונג פון מענשען דורך מענשען און דיא נייע וועלט פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט; מיט איין ווארט, דער קאמפף צווישען דער פוילענדער און אבשטארבענדער קאפיטאליסטישער ארדנונג און איהר וואקסענדען און זיעגעסבעוואוסטען יורש, דעם סאציאליזמוס; דיעזער קאמפף האט ניט נאכגעלאזען, ניט גערוהט אין ערגעץ. איבעראל האט דער כאציאלער קאמפף זיך געפיהרט, איבעראל זיך געפיהלט, איבעראל, קען מען זאגען, האט דיא סאציאליסטישע בעוועגונג עפעס וואס אויפגעטהאן, עפעס וואס עררייכט.

ניט איבעראל אבער זיינען דיא קעמפפע געווען גלייך; ניט איבעראל דיא ערפאלגען גלייך גרויס.

### I.

דיא גרעסטע און שווערסטע קעמפפע האט דורכצומאכען דיא רעוואלוציאנערע סאציאליסטישע בעוועגונג אין רוסלאנד, ווייל געגען איהר שטעהט דער גרויזאמסטער און שרעקליכסטער פיינד פון פרייהייט, זיא האט אבער אויך דעם גרעסטען העלדענמוטה בעוויזען, דיא גרעסטע קרבנות געבראכט, דיא גרעסטע מאראלישע ערפאלגען עררייכט און דיא בעסטע האפנונגען און אויסזיכטען אויף א בעסערער נאהענטער צוקונפט בעשאפען.

דער פאקט, אז רוסלאנד, זייענדיג און בלייבענדיג פאליטיש א ריינע דעספאטישע, אן אזיאטישע מלוכה, האט דאך עקאנאמיש זיך שוין ענטוויקעלט צום קאפיטאליזמוס, האט אויך

גייסטיג פיעל איבערגענומען פון מעריב־איירא־פא. דער פאקט האט געבראכט דערצו, אז אין רוסלאנד עקזיסטירט א מאדערנער פראלעטאר־יאט און א סאציאליסטיש־פראלעטארישער בע־וועגונג. דאס האט אבער געפיהרט אויך דערצו, אז אין רוסלאנד האט דאס פראלעטאריאט אויסצופיהרען א דאפעלטע שווערע וועלט אויפ־גאבע.

ניט נור דארף דיא רוסישע ארבייטערמאסע דורכקעמפפען דיא גרויסע סאציאלע רעוואלו־ציאן, אזוי וויא דיא ארבייטער אין אנדערע לענדער, זאנדערן אויך ארויסרופען א ריין פא־ליטישע רעוואלוציאן, דיא בעפרייאונג פון רו־סישען פאלק פון אונטער דעם שרעקליכען צא־רען יאך.

דיא רעוואלוציאנערע סאציאליסטישע אר־בייטער בעוועגונג האט אויפגענומען און אויך געמוזט אויפנעהמען דעם פאליטישען קאמפף, און פיהרט איהם מיט מוטה, מיט העלדישקייט און מיט דיא גרעסטע ערפאלגען. זיא מוז איהם פיהרען אליין, ווייל אין דער רוסישער מלוכה זיינען אויסער דעם פראלעטאריאט און א טהייל פון דער אינטעלעגענץ ניטא קיין אנדער קלאס, קיין אנדער טהייל פון פאלק, וואס זאל קענען די אויפגאבע דורכפיהרען אדער חאטש דעם קאמפף קרעפטיג שטיצען.

אמת, אויך צווישען דיא פריצים און בור־זשואזיע באמערקט זיך א גרויסע אונצופריעדענ־הייט. זייט אנדערטהאלבען יאהר גיבען זיי ארויס זייער צייטונג „אסוואבאזשדעניע" אין אויסלאנד. אבער זייער אונצופריעדענהייט, זייע־ער אפאזיציאן געגען דיא טיראנישע רעגיערונג איז מעהר א ווערטערליכע. ארויסצוטרעטען מיט טהאטען, אפפער צו ברענגען — דאצו זיינען זיי ניט פעהיג.

פיעל מעהר וויא פאר דיא פריצים שרעקט זיך דיא רעגיערונג פאר דיא אפאזיציאן און רע־וואלוציאנערע שטרעבונג אין דער ארמעע. אבער אויך דא האט זי מעהר מורא פאר דיא סאלדאטען, וויא פאר דיא אפיצירען.

מיט גרויס אונרוהע קוקט זיא אויך אויפ'ן „פויער", וואס נעהמט ערטערווייז זיך ריהרען. טראץ זיין אונטערטהעניגקייט, דערשלאגענהייט אין אונוויסענהייט, קומט דער „פויער" דאך ביסלאכווייז צום שכל. דיא ארבייט פון דיא סא־ציאליסטען־רעוואלוציאנערען און פון „פויערים־בונד", דיא צעהנדליגע טויזענד קאפיעס פון פראקלאמאציעס און בראשורען, וואס דיזע צוויי ארגאניזאציאנען לאזען ארויס, עפענען טרא־פענסווייז, ביסלעכווייז אויף דיא אויגען פון „פויער."

אין דער ארבייט צווישען פויערים ליעגט דיא וויכטיגסטע בעדייטונג פון דער טהעטיג־קייט פון סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען, ניט אבער אין טערא, אין שיסערייען פון רעוואל־ווערען און דיא באמבעס, וואס דיא „באעוואיא (קריגערישע) ארגאניזאציע" האט זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע. באמבעס ווארפען, ד. ה., טעראר אין גרויסען מאסשטאב, האט דיזע אר־גאניזאציאן פאר דיא צוויי יאהר פון איהר עק־זיסטענץ זאגאר ניט געפרובירט. „איינצעל־קאמפף, אטענטאטען אויף פארשטייער פון דער רעגיערונג, איז פערהעלטניסמעסיג קליין געווען. פאר דעם לעצטען יאהר האט נור איין אטענטאט נעהמליך דיא הינריכטונג פון אופימער גובער־נאטאר באגדאנאוויטש, זיך איינגעגעבען. דיא בעוועגונג דורך אזעלכע איינצעל־בעפאלען צו טעראריזירען (איינשרעקען) דיא רעגיערונג איז, קען מען, זאגען, דורכגעפאלען.

אבער דיא רעגיערונג איז דאך טעראריזירט, זיא איז ניט נור פול מיט שרעק; זאנדערן זיא האט דעם קאפ פערלארען; און טעראריזירט איז זיא דורך קיין אנדער זאך ניט, וויא דורך דעם וואקסען פון דער רעוואלוציאנערער ארבייטער בעוועגונג. פאראויס אין קאמפף געהט דיא אי־דישע ארבייטער־מאסע אונטער דער פיהרונג פון דער שטארקסטער רעוואלוציאנערער ארגא־ניזאציאן, פון דעם „בונד."

אוים שרעק פאר דיא וואקסענדע ארבייטער בעוועגונג האט דיא רעגיערונג פון ניקאלאי דעם צווייטען, ריכטיגער געזאגט פון דעם טיראן פ.עהווע, לעצטען יאהר פרובירט אלע מיטלען, זיך געווארפען אין אלע זייטען, אום צו פער־ניכטען איהר ביטערסטען שונא.

זיא האט ערשטענס פרובירט דעמאראליזי־רען און פארדארבען דיא מאסען און אונטער־קויפען זייערע פיהרער. דאס איז געווען דיא פא־ליטיק פון זובאטאוו. אנגעפאנגען האט זיא זיך נאך מיט א יאהר פריהער אין מאסקווע און האט געהאט אן ערפאלג. דעם יאהר אבער איז געקו־מען איהר סוף. פון מינסק האט דיא זובאטאווס־צינע געמוזט זיך צוריקציהען. אין אנדערע אי־דישע שטעדט האט זיא פון אנפאנג אן ניט גע־קונען קיין אנהיינגער. אין פעטערסבורג האט

221114

זיא קיין ערפאָלג ניט געהאַט. אין אָדעס האָט זיא געגען איהר דירעקטע אויפגאַבע און ווילען, ארויסגערופען פּאָליטישע אונרוהען. זיא האָט געפּלאַצט נאָך איידער עס איז געקומען א ביטערער סוף אויף זובאטאָוו'ן אליין, וועלכען מען האָט פאר מעשים וואָס ביז איצט זיינען זיי ניט אין גאַנצען אויפגעקלעהרט, פארשיקט אין הרי־הושך.

אבער דיא גרעסטע דעמאָראַליזאציאָן און פארברעכער, וואָס האָבען מרעיש עולם געווען, זיינען בעשטאַנען אין ארויסרופען פּאָגראָמען געגען אידען אין קישינעוו און האָמעל.

פאָן פלעהווע'ס פּלאַן איז געווען א טייוועלשער, א מערדערישער, ער האָט געמיינט צו ענטמוטהיגען דעם „בונד“ און דיא אידישע מאַסען; אויפצוהעצען א שנאה פון איין קלאַס אידען געגען דעם אנדערן; צו ערוועקען האַס צווישען אידישען און ניט אידישען פּראָלעטאריאט און צו צווינגען דיא פיהרער פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג מעהר ניט צו אָרגאַניזירען דעמאָנסטראַציאָנען, ווייל דיא פּאָליציי האָט געסטראַשעט מיט נייע פּאָגראָמען.

עררייכט האָט ער בלויז, אז דיא פייגע און אָפּט געמיינע האַלטונג פון דער אידישער בורזשואזיע און פון דיא רבנים האָט ערוועקט נור פעראַכטונג, נור עקעל און האַס ביי דיא אידישע ארבייטער מאַסען און אין זיי ערסט רעכט איינגעפּלאַנצט דעם קלאַסען בעוואוסטזיין. עררייכט האָט ער בלויז, אז צוליעב דיא סאָלידאריטעט מיט אידען זיינען דיא דעמאָנסטראציאָנען פון 1טען מאי כמעט איבעראַל ניט אָבגעהאַלטען געוואָרען; דאמיט האָט אָבער דער רוסישער אָרגאניזירטער פּראָלעטאַריאט געוויזען זיינע סימפּאַטיען צו אידען. עררייכט האָט ער אז דער „בונד“ האָט גענומען אָרגאַניזירען דא זעלבסטפערטיידיגונג פון אידען און איז געוואָרען דאדורך נאָך פּאָפּולערער, בעליעבטער. עררייכט האָט ער, אז אין א קורצע צייט ארום האָבען זיך אָנגעהויבען מאסען סטרייקס, אלגעמיינע דעמאָנסטראציאָנען אין קאווקאז. — אין באקו און טיפליס האָט דער גענעראַל סטרייק געהאַלטען עטליכע טעג, נאָך גרעסער זיינען געווען דיא בעוועגונגען אין אָדעס, יעקאטערינאסלאוו, קיעוו, וואו אויך טויזענדע ניט ארגאניזירטע ארבייטער זיינען פּאָליטיש ארויסגעטראָטען. נאָבהער האָט זיך אין קאווקאז אָנגעצונדען א רעוואָלוציאָנערער פלאַקער ביי דיא ארמעניער.

אין דיא אידישע געגענדען, אין דער „טשערטא“ — דאָרט ברענט איבעראַל דער האַס געגען דיא צאַרען טיראַניי. דאָס יאָהר האָט זיך דאָרט אָבגעשלאָסען מיט דעם גענעראַל־סטרייק און מיט דעם גרויסען נצחון אין ביאַליסטאָק.

אונטערדעסען האָט דיא רעגיערונג פּרובירט אויף נ אָ כ ג ע ב ע ן. דעם צאַר'ס מאַניפעסט, די געזעצען וועגען ענטשעדיגען דיא ארבייטער ביי אונגליקספעלע און וועגען ערלויבען דיא ארבייטער אויסצוקלייבען זייערע פאָרשטייער און גרינדען אונטערשטיצונגס־קאַסען; דאָס זיינען געווען פּראָבעס איינצושטילען דיא אונצופריעדענע מאסען מיט נאָכגעבונגען. אָבער קען מען דען אזא שינדער באַנדע גלויבען? אפילו דיא ליבעראַלען האָבען נור א פּאָר וואָכען געהאָפּט; דיא רעוואָלוציאָנערע ארבייטער בעוועגונג האָט קיין מינוט זיך ניט געלאָזט פערפיהרען פון דעם צאַר'ס וועלף אונטער דער מאַסקע פון שעפּסען. מערקענדיג, אז דאָס העלפט ניט, האָט פאָן פלעהווע אלץ שארפער און שארפער זיך גענומען צו פערפאָלגונגען, פערשיקונגען, געפענגניסע, פערמעהרונג פון שפּיאָנען און זשאַנדארמען. אויך האָט ער אָפּגעפּרישט פּאָליטישע פּראָצעסען: אין סאראַטאָוו, אין טאַגאַנראָג א. ז. וו. אָבער דיא פּראָצעסען זיינען געוואָרען דעמאָנסטראַציאָנען געגען דיא רעגיערונג, דיא „פארברעכער“ האָבען גערעדט, געפערדיגט דעם סאָציאליזמוס.

אָט אַזוי איז דיא רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג אין רוסלאַנד אָנגעגאַנגען און געוואַקסען אין דעם קאַמפּף מיט דער רעגיערונג.

אָבער אינערליך, אין דיא רייהען פון דיא רעוואָלוציאָנערע קרעפטע איז דיא טהעטיגקייט געווען שטארק, דער ערפאָלג גרויס.

דער „בונד“, וואָס איז שוין געווען פריהער דיא גרעסטע אָרגאַניזאַציאָן, האָט דעם עהרענפּלאַץ בעהאַלטען אויף דעם יאָהר פאר זיך, ער האָט זיין טהעטיגקייט פערגרעסערט, אויסגעברייט אין א רייהע שטעדט און שטעדטלעך אין ליטע, אין פּוילען און אויך אין זיד־רוסלאַנד; גלייך נאָך קישנעוו האָט ער אין רוסלאַנד אָבגעהאלטען זיין 5טען צוזאמענפאָהר אָדער אסיפה און האָט דורכגעפיהרט וויכטיגע בעשליסע. דער „בונד“ צעהלט איצט וועניגסטענס 30,000 אָרגאניזירטע ארבייטער און הונדערטע טויזענד סימפּאַטייזערס.

אויף דיא רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע

האָט זיך שטאַרק פערגרעסערט. די צאָהל קאָמיטעטען איז געוואָרען פיעל גרעסער, דיא אָרגאַניזאַציאָן — פּלאַנמעסיגער, איינהייטליכער; דיא פערשיעדענע גרופּען האָבען זיך פערשמאָלצען; דער אזוי לאַנג ערוואַרטעטער צווייטער צוזאמענפוהר פון דיא פיהרערס האָט שטאַטגעפונדען. עס זיינען זיך צוזאמענגעקומען 42 דעלעגאַטען פון 25 אָרגאַניזאַציאָנען. מען האָט בעשלאָסען אַ צענטראַל קאָמיטע. ליידער זיינען דיא רוסישע גענאָסען געווען זעהר ניט פריינדליך און זעהר אינגערעכט צום „בונד". זיי האָבען געוואָלט איהם אין אלץ בעשרענקען, מאַכען זיין ענטוויקלונג, זאָגאר זיין עקזיסטענץ אונמעגליך, זא דאָס דער „בונד" האָט געמוזט ארויס פון דער פּארטיע.

אָבער עס איז צו האָפען, אז דיא רוסישע גענאָסען וועלען אין קורצען זיך ארום זעהען, וויא פאלש, וויא אונגערעכט זיי האָבען געהאַנדעלט געגען „בונד". יעדענפאלס פּראייניגט אָדער אפּגעזונדערט שטרעבען אלע רעוואָלוציאָנערע קרעפטע צו איין ציעל: צו דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער בעפרייאונג פון רוסישען פאָלק, און האָבען לעצטען יאָהר זעהר פיעל אויפגעטהאָן אין דעם ביטערען קאַמפּף מיט דער צאַרען-טיראַניי.

.2

דאָס צווייטע לאַנד, וואו דער סאָציאליזמוס איז דעם גאַנצען יאָהר געשטאַנען זאָ צו זאָגען אויף דער טאַגעסאָרדנונג; וואו עס האָט געקאָכט און געלעבט מיט דער סאָציאליסטישער בעוועגונג; און וואו דיא סאָציאלדעמאָקראַטיע האָט געהאַט דיא גרעסטע ערפאָלגען, געמאַכט דיא וואונדערבארסטע פּאָרטשריטע, איז דייטשלאַנד.

דיא דייטשע סאָציאלדעמאָקראטיע רעכענט זיך — און מיט רעכט — פאר דיא גרעסטע און מוסטערהאַפטסטע פּארטיי פון דער גאנצער אינטערנאציאָנאַלער סאָציאליסטישער וועלט. איהר גרויסקייט בעשטעהט אין דער אויפקלערונג פון דיא מאסען, אין איהר אָרגאַניזאַציאָן און אין איהר פּאָליטישע טהעטיגקייט. איהר פּאָליטישע טהעטיגקייט דריקט זיך געוועהנליך אויס פאר דיא מאַסען אין אונגעהייער פיעל ליטעראטור און מאסענפערזאַמלונגען. אויפ'ן גאס, אויף דעמאָנסטראציאָנען קען מען דעם רוהיגען דייטשער ארויסציהען; פון גענעראל סטרייק און נאָך אזוינע מיטלען וויל ער דערווייל ניט וויסען.

אויפקלעהרונג דורך שריפט און וואָרט, רעזאָלוציאָנען אויף מאסערנפערזאמלונגען—דאָס זיינען דיא צוויי בעסטע וואפען פון דער דייטשער סאָציאלדעמאָקראַטיע. גלייך אין אָנפאַנג פון לעצטען יאָהר האָט זיא געמוזט ביידע וואַפען זעהר שטארק געברויכען.

עס האָט זיך דאן אָנגעהויבען אַ שטאַרקע אַגיטאַציאָן געגען דיא סאָציאלדעמאָקראַטען. קייזער ווילהעלם האָט געהאַלטען צוויי פון זיינע היטציגסטע פרעכסטע רעדעס געגען דיא „רוהעשטערער". ער האָט אויפגערופען דיא ארבייטער און דאָס פאָלק זיך אָפּצוטרייסלען פון דער „עלענדער באַנדע." דאָס „פאָלק", דיא ארבייטער-מאסען האָבען אָבער ערשט רעכט גענומען גיין דוקא צוזאמען מיט דיא „עלענדע" סאָציאלדעמאָקראַטען.

א רייהע פון מאסענפערזאַמלונגען, פון פּראָטעסטען האָבען זיך גענומען שיטען געגען ווילהעלם'ס בעליידיגונגען ביז עס איז געקומען דער גרויסער טאָג פון אברעכנונג, דער טאָג פון בעבעל'ס פייערדיגע רעדע — איינע פון דיא בעסטע, וואָס דער געניאלער רעדנער האָט ווען עס איז געהאלטען. ער האָט געגעבען ווילהעלמ'ן אַ קלאָרע תשובה; מען קען זאָגען אז ער האָט אַ געוואלדיגע אנקלאַגע געהאַלטען געגען דעם קייזער און זיין אויפפיהרונג. חאָטש דיא רעדע איז געווען איבערגעדרוקט אין אלע צייטונגען, איז זיא דאָך אַלס בראָשורע פארקויפט געוואָרען אין איניגע טעג אין 30,000 עקזעמפּלאַרען.

באלד האָט זיך אָבער אָנגעפאַנגען אויך דער גרויסער מאסענקאמפּף. דורך אונרעכט און דורך ברעכען דיא קאָנסטיטוציאָן האָט דיא מאַיאָריטעט פון רייכסטאַג זיך איינגעגעבען גובר צו זיין דיא אָפּאָזיציאָן, דעם ווידערשטאַנד פון דער סאָציאלדעמאָקראטיע געגען דעם פאָלקס פיינדליכען און פאָלקסשעדליכען נייען צאָלטאריף. דער קאַמפּף און דיא אָברעכנונג האָבען נאָכדעם געמוזט ארויסגעטראָגען ווערען אין לאַנד, צו דיא וועהלער, וועלכע האָבען אין מאָנאַט יוני געדאַרפט וועהלען אַ נייעם רייכסטאַג.

עס איז געווען איינער פון דיא הייסעסטע און שווערסטע קעמפּפע חאָטש דיא הויפּטפראַגע ביי דער וואהל איז געווען אזעלכע (דיא נייע האַנדעלס-פּאָליטיק מיט איהר טאַריף און פערטייערונג פון אלע לעבענסמיטלען), אז דיא ליבעראַלען האָבען געדאַרפט ארויסטרעטען צוזאַמען מיט דיא סאָציאלדעמאָקראטען, דאָך האָבען

זיך אלע פארטייען פעראייניגט געגען די סאָציאַלדעמאָקראטען מיט דער קליינער אויסנאַהמע פון איין ליבעראלע פראקציע אונטער באַרטה'ס פיהרונג. די פעראייניגטע „רעאקציאָנערע באנדע" האָט ארויסגעלאָזען איין בראָשורע געגען דיא סאָציאַלדעמאָקראטיע אין א כ ט מ י ל י אָ ן עקזעמפּלאַרען. (דער דרוק האָט געקאָסט דריי הונדערט טויזענד מאַרק).

דאַרויף האָט קאוטסקי געענטפערט מיט אַ בערניכטענדער קריטיק. אין דער פּארטיע זיינען אלע קרעפטע אָנגעווענדעט געוואָרען, אלע דיפערענצען אָבגעשטעלט געוואָרען ביז דער שארפער קאַמפּף איז געקרוינט געוואָרען מיט אַ גלענצענדען זיעג. אַנשטאַט צוויי מיליאָן שטימען, וויא פאר פינף יאָהרען האָט דיא סאָציאַלדעמאָקראטיע בעקומען 3 מיליאָן, און אנשטאַט 58 דעפּוטאַטען זיינען 86 געשיקט געוואָרען אין פּארלאַמענט, אָבער באַלד נאָך דער ערשטער פריידע מיט דעם גרויסען זיעג זיינען דיא דיפערענצען אין דער פּארטיי ארויס מיט נייע קראפט און שארפקייט.

בערנשטיין איז ווידער א מאָל געווען דער ערשטער און נאָך איהם זיינען ארויס אלע רעוויזיאָניסטען און אָפּאָרטוניסטען מיט פאָלמאר אלס אנפיהרער. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ קליינע — דאַכט זיך — פראַגע. צו זאָל דיא סאָציאַלדעמאָקראַטיע ארויסשטעלען א קאנדידאַט פאר א וויצע פּרעזידענט פון רייכסטאַג, אונטער דער בעדינגונג, אז ער וועט גיין זיך פאָרשטעלען פארן קייזער מיט אלע הויף־צערעמאָניען, אָדער זיא זאָל בלייבען ביי דער אלטען טאַקטיק, פאָדערן איהר רעכט ניט אכטענדיג אויף ווילהעלמען, זיין הויף און זיינע צערעמאָניען.

נאָך דעם, וויא דער קאַמפּף האָט געברענט אין דער פּרעסע, איז ער אריבערגעטראָגען געוואָרען אויפ'ן פּארטייטאָג אין דרעזדען, דאָרט איז מיט אַ געוואַלדיגע מעהרהייט — 288 געגען 11 שטימען — אָנגענומען געוואָרען דיא רעזאָלוציאָן געגען דעם פאָרשלאַג און געגען דיא נייע רעוויזיאָניסטישע שטרעבונגען און טאַקטיק.

עס האָט זיך ערוויזען אז אין דיא מאסען האָט דער רעוויזיאָניזמוס קיין פונדאמענט און סימפּאַטיען ניט, האָטש ער איז שטארק פארברייט ביי דער סאָציאַלדעמאָקראטישער אינטעלעגענץ, אָדער „אקאדעמיקער," וויא מען רופט זיי.

אויך אַ ליטעראַרישער קאַמפּף איז דורכגעפיהרט געוואָרען צווישען ביידע ריכטונגען. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען א ריין טהעאָרעטישע פראַגע. זיא איז ארויסגערופען געוואָרען דורך דאַוויד'ס בוך „סאָציאַליזמוס און לאַנדווירטשאפט," אין וועלכען ער האָט געוואָלט איבערקעהרען דיא גאנצע מארקסישע לעהרע אין דער פראגע וועגען לאַנדווירטהשאַפט. אָבער קויטסקי האָט איהם מיט שטארקע בעווייזע צושלאָגען.

אויסער דעם גרויסען ערפאָלג ביי דיא רייכסטאג וואהלען האָט דיא דייטשע סאָציאַלדעמאָקראטיע געהאט גרויסע ערפאָלגען אין דיא געמיינדע און מוניציפּאַל (שטאָדט) וואהלען.

זיא האָט אָבער געענדיגט דעם יאָהר מיט א דורכפאַל ביי דיא וואַהלען אין פּרייסישען פּארלאמענט.

מען האָט געקענט פאראויס זעהען, אז ביי דער עקזיסטענץ פון דער „עלענדסטען פון אלע וואהלסיסטעמען," וויא ביסמארק האָט גערופען דאָס פּרייסישע דריי־קלאַסען וואהל סיסטעם קען מען קיין גרויסען ערפאָלג ניט האָבען. עס האָט זיך אָבער ערוויזען ערגער, וויא מען האָט גערעכענט, האָטש מיט 4 מאָנאַטען צוריק האָט זיך ארויסגעצייגט, אז דיא סאָציאַלדעמאָקראטיע האָט אין פּרייסען אליין אַנדערטהאַלב מיליאָן שטימען, האָבען זיי דאָך ניט געקענט דורכברינגען קיין איינציגען דעפּוטאַטען. און ווידער אַ מאָל האָבען דאַביי דיא ליבעראלען פערראטהען דיא זאַך פון פרייהייט און פאָרטשריט.

אָבער דיא סאָציאַלדעמאָקראטיע אין דייטשלאַנד האָט ניט וואָס צו פירכטען דערפאר. זיא געהט מיט ריעזען טריט אלץ ווייטער אויף דעם וועג פון ערלייזען דיא מענשהייט פון דעם יאָך און שקלאפעריי פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאפט.

3.

אין דיא איבעריגע לענדער איז דער קאמפּף אויך לעבעדיג געפיהרט געוואָרען. דאָך גרויסע וועלט נייעס איז דאָרט וועניג וואָס פאָרגעקומען. אין פראנקרייך איז געווען פערהעלטניסמעסיג רוהיג. אי, אָנפאַנג יאָהר האָט מילעראַן ווען ער איז געוואָרען אוים מיניסטער, אביסעל געלאָזט פון זיך הערען, איהם האָט זיך געוואָלט איינפיהרען אַ נייעם „רעפאָרם סאָציאַליזמוס," ביי וועלכע דיא „רעפאָרם" איז געגאַנגען אזוי ווייט, אז פון „סאָציאַליזמוס" איז קיין זכר ניט געבליבען. ער האָט אַליין גענומען האנדלען נאָך זיין פּראָגראַם; ער האָט געשטימט צוגונסטען פון מי־

ליטאַריזמוס און געגען דיא אָבשאַפונג פון דיא שטאַאטס־אויסגאַבען אויף דער קירכע.

דיא אונצופרידענהייט מיט איהם איז געוועזן אלגעמיין, פילע פון דער זשאָרעסיסטישער פּארטיי—אָפיציעל הייסט זי „פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע פּארטיי“—האָבען געפאָדערט אויף זייער קאָנגרעס אין באָרדאָ, מען זאָל מילעראַנען אויסשליסען פון דער פּארטיי. דאָך זשאָרעס האָט איהם גענומען אונטער זיינע שטאַרקע פליגלען און א האַלב אָן אָבגעשאָסענעם דאָך דורך געטראָגען.

אַ וויכטיגען טריט האָט געמאַכט דער ראַדיקאַל־רעוואָלוציאָנערער טהייל פון דער פראַנצויזישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע דורך דעם, וואָס אויף דעם קאָנגרעס אין רעימס איז דורכגעפיהרט געוואָרען דיא ענגע פערשמעלצונג און פעראייניגונג פון דיא פערשיעדענע סאָציאַליסטישע פּראַקציאָנען צו איין פּארטיי.

מען קען האָפען אז יעצט וועט דיא טהעטיגקייט פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּארטיי האָבען גרעסערע ערפאָלגען.

אין בעלגיען האָט דיא פּארטיי זיך שנעל און לייכט ערהאָלט פון פארצוויי־יאָהריגען דורכפאַל. מיט גרויס ענערגיע נעהמט זיא ווידער אויף דעם קאַמפּף געגען דעם קלעריקאַליזמוס (דיא גלהים הערשאַפט) און פאר דאָס אלגעמיינע גלייכע וואהלרעכט.

זיא טראַכט שוין ווידער וועגען א גענעראַל סטרייק און גרייט זיך סיסטעמאַטיש פאָר דאצו דורך דעם, וואָס זיא פערשטאַרקט, פערפעסטיגט און פערמעהרט דיא אָרגאַניזירונג אין יוניאָנס. דיא קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונגען פון בעלגיען בליהען און וואַקסען אלץ מעהר און מעהר, אלץ שעהנער און שעהנער.

דיא פראגע וועגען אלגעמיינעם וואהל רעכט בלייבט אויך אין עסטרייך דיא וויכטיגסטע נאָהענטעסטע אויפגאבע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטי. אויך דאָרט מוז די סאָציאַלדעמאָקראַטיע ערקעמפּפען פּ אָ ל י ט י ש ע רעכטע פאר דאָס גאַנצע פאָלק. אויף דעם לעצטען פּארטייטאָג אין וויען איז בעשלאָסען געוואָרען צו קעמפּפען מיט דער גרעסטער ענערגיע און מיט דיא שאַרפסטע מיטלען ווייטער, ביז מען וועט אויספיהרען דיעזע פאָדערונג.

אַ ניעדערלאַגע נאָך אַ שווערען קאַמפּף און גענעראַל סטרייק האָט אָנפאַנג יאָהר ערליטען דיא האָלענדישע פּארטיי. דאָרט האָבען דיא סאָציאַלדעמאָקראַטען געוואָלט ניט דערלאָזען אין פּארלאַמענט דורכפיהרען א פינסטערען רעאַקציאָנערען געזעץ געגען דיא ארבייטער־אינטערעסען און געגען פרייהייט. נאָר דאָס האָט זיי זיך ניט איינגעגעבען.

אַ גרויסען מאָראַלישען ערפאָלג האָבען געהאַט דיא איטאַליענישע גענאָסען. זיי האָבען בעשלאָסען דעם רוסישען דעספּאָט און טיראַן ניט אריין צו לאָזען אין זייער לאַנד אָהן גרויסע פּראָטעסטען. און דער „וועלטהערשער“ האָט זיך טאַקע דערשראָקען און זיין געפּלאַנטע רייזע קיין רוים איז אָנפאַנגס אָבגעלעגט, נאָכהער אין גאַנצען אויפגעגעגעבען געוואָרען.

אין אלע ציוויליזירטע לענדער, אפילו אין יאפּאַן, שטייגט דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג, איז פול מיט לעבען און האָט דיא בעסטע און גלענצענדסטע אויסזיכטען און האָפנונגען. מען קען רוהיג און פעסט זאָגען: דער יאָהר 1903 איז געוועזן אַ געראָטענער פאר דיא נייע סאָציאַליסטישע וועלט, וועלכע וואַקסט און ענטוויקעלט זיך אין שויס פון דער אלטער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

י. ערנסט.

# הערבערט ספּענסער.

דיא אמת'ע וויסענשאַפטליכע פילאָזאָפיע וועט אימער בלייבען ענג פערבונדען מיט דעם נאָמען פון דעם גרויסען און געלעהרטען ענגלישען דענקער, וועלכער איז געשטאָרבען לעצטען 8 דעצעמבער אין אלטער פון 83 יאָהר.

דיעזע פילאָזאָפיע דריקט זיך אויס מיט איין וואָרט: עוואָלוציאָן (ענטוויקלונג), אָבער דיזער וואָרט בעצייכענט דיא גאַנצע וועלט, דיא פיזישע אזוי גוט וויא דיא גייסטיגע און געזעלשאַפטליכע. הערבערט ספּענסער איז ניט געווען איהר גרינדער, נאָר ער האָט איהר מיט זיין מערקווירדיגען קריטישען גייסט און וועניגער מערקווירדיגער געלערנטקייט אזוי גרינדליך און איבערצייגענד בעוויזען אין דער גאַנצער נאַטור, אין אלע צווייגען פון וויסענשאַפט און קונסט, דאָס איהרע ביטערסטע געגנער — ניט רעכענענדיג נאַטירליך דיא גייסטליכע פאַר וועלכע דיא ביבעל איז דיא געטליכע חכמה — האָבען געמוזט בויגען זייערע קעפּ און זיך ערקלערען פאַר בעזיעגטע. מיט זיין גרויסען טאַלענט צו פּאָפּולאַריזירען דיא שווערסטע פּונקטען פון וויסענשאַפטען און פון פילאָזאָפיע האָט ער וויים און טיעף פערשפּרייטעט דיא עוואָלוציאָנס־לעהרע אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט.

אין דעם בעשטעהט זיין גרעסטער פערדיענסט פאַר דעם גייסטיגען פּראָגרעס פון דער מענשהייט און דערפאַר וועלען איהם דיא אויפגעקלעהרטע מענשען אין אלע לענדער אייביג דאַנקבאַר זיין. עס זיינען געווען גרעסערע פילאָזאָפען פאַר איהם אין דיא אלטע און נייע צייטען, אָבער עס איז שווער צו געפינען נאָך איינעם, וואָס זאָל זיך קענען גלייכען מיט איהם אין דעם איינפלוס אויף אלע קולטור־פעלקער און אויף אלע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט.

וועלכער געבילדעטער מענש האָט ניט געלעזען ספּענסער'ס ווערק? ווער האָט עפּעס ניט געהערט פון זיינע וויסענשאַפטליך־פילאָזאָפישע אויספיהרונגען און ערקלערונגען אין אלע צווייגען פון מענשליכען וויסען? זיין פילאָזאָפישע סיסטעם, וועלכע איז שטרענג בעגרינדעט אויף פּאָזיטיווע וויסענשאַפטען און אויף דעם ריינעם מענשליכען פערשטאַנד, אָהן אירגענד וועלכע רעליגיעזע פערדרייהונגען און פערבלענדעניסען, איז אזוי טיעף איינגעדרונגען אין דיא מאַסען, וועלכע קענען נאָר לעזען, דאָס מיר וואונדערן זיך יעצט, וויא אזוי האָבען מענשען פריהער ניט פערשטאַנען אזעלכע איינפאַכע וואהרהייטען און ווארום געניאלע פילאָזאָפען האָבען זיך געבראָכען דיא קעפּ איבער פּוסטע חקירות און מאַטיפיזישע (איבערנאַטירליכע) סיסטעמען.

אלעס קומט דורך עוואָלוציאָן, דורך ענטוויקלונג פון פאָרמען — דיא אונבעלעבטע אזוי וויא דיא בעלעבטע נאַטור, דיא ערד זעלבסט אזוי ווי דער מענש, דער מענשליכער „גייסט“ אזוי וויא דער קערפּער, די „נשמה“ אזוי ווי דער גוף, דער איינצעלנער מענש אזוי ווי דער שטאַאַט, די מאָראַל אזוי ווי דער געפיהל, דיא קונסט אזוי וויא דיא וויסענשאַפט, דיא געדאַנקען וועגען גאָט אזוי וויא דיא געדאַנקען וועגען דער מענשליכער געזעלשאַפט, דיא רעליגיאָן ווי דיא פילאָזאָפיע א. ז. וו.— דאָס שיינט דאָך אזוי איינפאַך, נאָר פון דעמסטוועגען האָט עס גענומען דריי טויזענד יאָהר, זייט דיא ענטשטעהונג פון דער גריכישער וועלטליכער פילאָזאָפיע, ביז מען איז אוועק אויף דיזען גלייכען און ריכטיגען וועג.

און אויך יעצט בלייבט נאָך לאַנג און ביטער צו קעמפּפען ביז מען וועט אָפּראַמען פון דיזען וועג אלע דערנער און שטערונגען, וועלכע זיינען געבליבען פון די פריהערע רעליגיעזע לעהרען און מעטאַפיזישע פילאָזאָפיען. מען דאַרף נאָך דערצו האָבען א סך אנדערע אזעלכע גרויסע געלעהרטע און טיעפע דענקערס, וויא הערבערט ספּענסער. מען דאַרף נאָך אויך האָבען פיעלע קלאָרע שרייבערס, וואָס זאָלען אָפּען ארויסטרע־

טען געגען דיא באנדעס גייסטליכע און פאָלקספערדומער, געגען דיא זאָגענאַנטע „געטליכע לעהרען“, געגען דיא ביבלישע „וועלט־אנשויאונג“, געגען דיא לעכערליכע מעשה בראשית, געגען דיא איינבילדונגען וועגען נשמה, גן־עדן, גיהנום, געטליכע השגחה א. ז. וו., און וואָס זאָלען איבערהויפּט צייגען, אז רעליגיאָן שטימט אויף קיין פאַל ניט מיט ריינע וויסענשאפט.

נאָר מיר מעגען צופריעדען זיין דערמיט, וואָס עס איז שוין אויפגעטהאָן געוואָרען צו עפענען דיא מוחות, צו ערקלערען דיא געהיימניסע פון דער נאַטור, צו ווייזען דעם ריכטיגען וועג פאר ווייטערע ענטוויקלונגען. הערבערט ספּענסער פארנעהמט זיכער דעם ערשטען פּלאַץ אין דיזער מוחות־עפענונג. אָבוואָהל לאַמאַרק און דאַרווין זיינען געווען דיא גרינדערס פון דער עוואָלוציאָנס־לעהרע. דער נאָמען פון דעם פראנצויזישען געלעהרטען לאמארק, וועלכער האָט נאָך צו ענדע פון 18טען יאהרהונדערט אָנגעצייגט אויף דיא וויכטיגע ראָלע פון עוואָלוציאָן אין דער נאַטור, איז לאנג געבליבען פערגעסען. זיין לעהרע איז אָפּגעלעבט געוואָרען פון דעם געניאַלען ענגלישען נאַטוראַליסט דאַרווין; אָבער אויך דער דאַרוויניזמוס וואָלט ניט אזוי בעקאַנט געוואָרען אין דער וועלט, אויסער דיא ענגע וויסענשאפטליכע קרייזען, ווען הערבערט ספּענסער וואָלט ניט 50 יאָהר נאָכאַנאַנד געארבייט מיט זיין גרויסען קאָפּ און גלענצענדע פעדער אזוי איבערצוגעבען דיא גאנצע עוואָלוציאָנס־לעהרע און איהר אזוי לייכט צו ערקלעהרען מיט מאסען פאקטען, וועלכע ער האָט צוזאמענגעקליבען און מייסטערהאפט צוזאמענגעשטעלט, אז דער געוועהנליכער לעזער זאָל עס קענען בענעהמען און פערדייהען.

ער האָט געמוזט לאנג קעמפּפען מיט זיין פעדער און אויך ליידען ביז ער האָט געפונען לעזער פיר זיינע ווערק אין זיין פאַטערלאַנד, וואו דיא גייסטליכע האָבען אזא גרויסען איינפלוס און וואו דער קאָנסערוואטיווער גייסט איז פעסט איינגעוואָרצעלט. זיינע „ערשטע פּרינציפּען“, וועלכע זיינען ערשינען אין 1862, האָט ער געמוזט דרוקען אויף זיין אייגענע רעכנונג. נאָר אין דער צייט האָט ער שוין געהאט פערעהרערס אין ענגלאנד און אמעריקא, וועלכע האָבען צוזאמענגעקליבען א פאָנד צו דעקען דיא אויסגאבען אויף דרוקען זיינע ווערק, דען ער האָט נאָר געלעבט פון זיין פעדער און האָט זיך דאן געפונען אין זעהר פערענגטע אומשטענדען.

נאָך ווען ער איז אלט געווען א יאָהר 22, איז ער שוין ארויסגעטראָטען אלס אנהענגער פון דער עוואָלוציאָנס־לעהרע, וועלכע האָט דאן אָנגעפאנגען זיך דורכצוברעכען מיט גרויסע שוויריגקייטען א וועג אין וויסענשאַפטליכע און פילאָזאָפישע קרייזען. דיא גרינדליכע וויסענשאפטליכע ערציהונג, וועלכע ער האָט געקראָגען, האָט זעהר פיעל מיטגעהאָלפען איהם ארויסצוטרעטען אויף דיזען נייען וועג. זיין פאָטער איז געווען א בעוואוסטער מאטהעמאַטיקער און אַ גוטער לעהרער. מיט זיין זוהן, וועלכער האָט נאָך אלס אינגעל ארויסגעצייגט גלענצענדע פעהיגקייטען, האָט ער אליין געלערנט און האָט איהם אזוי גוט פאָרבערייטעט, דאָס צו 17 יאָהר איז ער אָנגעקומען אין דער בירמינגהעם אייזענבאהן־קאָמפּאניע אלס אינזשענער. זיעבען יאָהר האָט הערבערט ספּענסער געארבייט מיט ערפאָלג אין זיין פּראָפעסיאָן און האָט אין דער צייט פיעל שטודירט און אויך געשריבען פיעלע ארטיקלען אין פאך־זשורנאַלען.

אין 1842 איז ער צום ערשטען מאָל ארויסגעטראָטען אלס פּאָליטישער שרייבער. ער האָט נעמליך אָנגישריבען א רייהע ארטיקלען אין א צייטונג וועגען דעם „ריכטיגען קרייז פון רעגירונג.“ אין דיעזע ארטיקלען האָט ער אויך צוערשט אויסגעדריקט דיא געדאנקען, וועלכע ער האָט שפּעטער ענטוויקעלט אין זיינע פילאָזאָפישע ווערק, בעזאָנדערס נאָכדעם וויא טשאַרלז דאַרווין האָט ארויסגעלאָזען זיין בעריהמטען בוך אין 1857. די וויסענשאַפטליכע אויספיהרונגען אין דיזען בוך האָבען געהאַט א ריזיגע ווירקונג אויף דעם פילאָזאָף, וועלכער איז פון אָנפאנג אָן געגאַנגען אויף דיזען וועג. דאַרווין האָט איהם געגעבען נאַטור־וויסענשאַפטליכע געוועהר אין דיא הענד, און ער האָט זיך דערמיט קרעפטיג בענוצט. וויא שנעל ער איז געוואָרען א דאַרוויניסט צייגט דיא צווייטע אויפלאגע פון זיינע „פּרינציפּען פון פּסיכאָלאָגיע“. דיא ערשטע אויפלאגע איז ארויס אין 1855, ווען ער איז נאָך ניט בעקאַנט געווען מיט דאַרווין׳ס ווערק. אָבוואָהל ער האָט שוין דאַן ערקלעהרט, וויא געדאַנקען ענטשטעהען אין אונזער מארך, וויא דיא חושים ווירקען, וויא זיי רופען ארויס געפיהלען, וויא אונבעוואוסטע איינדריקע קומען צו אונזער בעוואוסטזיין — אלין אין איינקלאנג מיט דער עוואָלוציאָנס־לעהרע און ענטשיעדען געגען דיא

אלטע און רעליגיעזע בעגריפע וועגען א „נשמה“ — דאָך האָט ער געפונען פאר נייטיג פיעלעס צו ענדערן אונטער דעם איינפלוס פון דארווי־ניזמוס.

ער האָט זיך דאן גענומען צו א פילאזאפישע בעטראכטונג פון אלע וויסענשאפטען, אום נאכ־צופארשען וויא ווייט זיי שטימען מיט דער עוואָ־לוציאנס־טהעאריע. נאָך דיא „ערשטע פרינצי־פען“ זיינען ערשיענען דיא אנדערע ווערק פון זיין סיסטעם: „דיא פרינציפען פון ביאלאגיע (לעבענסלעהרע)“, „דיא פרינציפען פון פסיכא־לאגיע,“ „די פרינציפען פון סאציאלאגיע,“ „צער־רעמאניעלע, פאליטישע און גייסטליכע איינריכ־טונגען“, „דיא פרינציפען פון עטהיקע (לעהרע איבער מאראל)“, „ערציהונג — פאליטישע, מא־ראלע און פיזישע“, א. ז. וו.

צוזאמען מיט עטליכע העלפערס האָט ער פערעפענטליכט אזא ריזען־ווערק וויא „דיא בע־שרייבענדע סאציאלאגיע“, אין וועלכער עס זיי־נען צוזאמענגעקליבען מאסען פאקטען וועגען דיא מנהגים און גלויבענס פון ווילדע און פער־צייטיגע פעלקער. דיזע ווערק איז אן אוצר פאר קולטור־געשיכטליכע נאכפארשונגען, דען דאָרט געפינט מען צוזאמענגעשטעלט אין א בעשטימטע ארדנונג דיא רעזולטאטען פון דיא בעשרייבונ־גען פון אלע רייזענדע און פון אלטע היסטארי־קער, וויא אויך פון ארכעאלאגיע (וויסענשאפט איבער אלטערטהום אדער פערצייטיגע זאכען). ספענסער זעלבסט האָט זיך בענוצט מיט דיזע פאקטען פיר זיינע אויספיהרונגען אין דיא „פרינציפען פון סאציאלאגיע.“

אין אלע זיינע ווערק פיהרט ער דורך, וויא שוין געזאגט, דיא עוואלוציאנס־לעהרע. ער ברענגט אייזערנע בעווייזע, אז ניט נאָר דער מענש האָט זיך ענטוויקעלט פון א נידעריגערע שטופע צו א העכערע, זאנדערן אויך דיא גע־זעלשאפט. אללע ערשיינונגען אין דער וועלט זיינען אונטערווארפען אונטער אייביגע געזעצע, און זייער רעזולטאט איז אלץ ווייטערע ענטוויק־לונג פון פארמען.

דער גלויבען אין א שעפפער פון דער נא־טור, וויא זיא איז יעצט, דער גלויבען, אז יעדע מין חיות איז ענטשטאנען פון אן אורשפרונגליכע פאאר, וועלכע איז געשאפען געווארען פון גאָט; דער גלויבען, אז דיא ביבעל איז א געטליכער בוך, דער גלויבען, אז רעליגיאנען זיינען אראפ פון הימעל א. ז. וו. — דאס אלעס איז צושמע־טערט געווארען אין זיינע ווערק. מיר קענען זיך דא נאטירליך ניט ארייננלאזען אין איינצעלהיי־טען וועגען אפילו דיא וויכטיגסטע פון זיינע אויספיהרונגען, דען יעדער פונקט פאדערט א בעזונדערן ארטיקעל. מיר וועלען עס האפענט־ליך טאָן אין דער „צוקונפט“. יעדענפאלס וועט קירצליך אין דער „צוקונפט“ איבערגעגעבען ווערען דער טהייל פון זיינע „פרינציפען פון סאציאלאגיע“, וואו עס ווערט ערקלעהרט דיא ענטשטעהונג פון רעליגיאנען.

דערווייל וועלען מיר זיך בעגנוגען מיט דעם געזאגטען און מיט אייניגע פאקטען פון זיין לעבען.

עס פארשטעהט זיך, אז וויא נאָר זיינע פילאזאפישע ווערק האָבען געקראגען א נאמען אין דער וועלט און מען האָט אנגעפאנגען אלץ מעהר זיי צו לעזען, האָבען דיא גייסטליכע און אלע פיינדע פון אויפקלערונג איהם אלץ שאר־פער אנגעפאנגען צו אטאקירען. זיי האָבען איהם ערקלערט פאר א גאָטלאזען מענש און האָבען פערדאמט זיינע ביכער אלס גאָטעסלעסטערונג, אלס דיא פרוכטען פון טייוועל. אייניגע גייסט־ליכע האָבען אויפגעפאדערט זייערע גלויביגע שעפסעלעך צו בעטען גאָט, אז ספענסער'ס ווערק זאלען קיין איינפלוס האָבען אויף מענשען און ניט פערפיהרען זיי אין גיהנום, רחמנא לצלן.

לאנגע יאהרען האָבען דיזע ערהאבענע ווערק טאקע כמעט קיין איינפלוס געהאט אויסערהאלב וויסענשאפטליכע קרייזען. פערצעהן יאהר האָט עס גענומען ביז עס זיינען פערקויפט געווארען דיא 750 עקזאמפלארען פון זיין ווערק „סא־ציאלע סטאטיקע,“ וועלכע איז ערשינען אין 1851. ביז דיא ערשטע אויסגאבע פון דיא „פרינציפען פון פסיכאלאגיע“ איז אויספער־קויפט געווארען זיינען פאראיבער 12 יאהר. א טהייל פון זיינע ווערק האָט ער געמוזט צושענ־קען צווישען בעקאנטע, אום פון זיי פטור צו ווערען. ער האָט אויסגעגעבען איבער זעקס טוי־זענד דאלאר, אום זיי זאלען זעהען דיא ליכ־טיגע וועלט, דען ער האָט ניט געקענט געפינען א פובלישער, וואס זאל ריזיקירען ארויסגעבען זיינע ערשטע פילאזאפישע ווערק. ער האָט אבער קיין מאל ניט פערלארען דיא האפנונג, דאס ער וועט זיך דורכברעכען א וועג און דאס זיינע ווערק וועלען איבערזעצט ווערן אין אלע שפרא־כען און וועלען געלעזען ווערען פון אלע מענ־

שען, וואָס ווילען נאָר עפּעס לערנען און זיך אויסבילדען; און אין דיזער האָפנונג האָט ער זיך גליקליכער־ווייזע ניט גענאַרט. נאָך מיט 25 יאָהר פאר זיין טויט האָט ער געהאַט דיא בעפרידיגונג צו זעהען, וויא זיינע ווערק ווערן אלץ מעהר צוכאַפּט און וויא זיין פילאָזאָפיע מאכט א רעוואָלוציאָן אין דיא קעפּ און וואָרצעלט זיך איין אין דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט.

טראָץ זיין לעהרע וועגען דיא שטופּענווייזע ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט, איז ער דאָך ארויס געגען סאָציאליזמוס. אין זיין בראָשורע „דיא קומענדע שקלאווערייי“ (ערשיענען אין 1874) און „מאַן געגענאיבער דעם שטאַאט“ (ערשיענען אין 1884) טרעט ער ארויס אלס פיינד פון דער סאָציאליסטישער לעהרע. ער ווידערהאָלט דיא ארגומענטען פון אלע קאפּיטאליסטישע שרייבערס און זוכט צו בעווייזען, אז סאָציאליזמוס וועט פיהרען צו א בעשרענקונג פון פּערזענליכע פרייהייט און פאָלגליך צו שקלאַווערייי. פיעלע סאָציאליסטען האָבען איהם געענטפערט, דארונטער ספּעציעל דער בעוואוסטער ענגלישער סאָציאל־דעמאָקראט היינדמאַן, און האָבען צוקלאַפּט אלע זיינע ארגומענטען. אָבער דיא גרינדליכע אויספיהרונגען פון דיא סאָציאליסטען האָבען דאָך ניט געענדערט זיינע מיינונגען. אין בעצוג אויף דיא יעצטיגע געזעלשאפטליכע פיהרונגען איז ער פערבליבען א פערביסענער קאפּיטאַליסט. ער איז צופיעל צוזאמענגעוואקסען געוואָרען מיט דיא קאפּיטאליסטיש־ליבעראלע אידעען אין זיינע יונגע יאָהרען, ער איז צופיעל געוועזען איינגעבאַקען אין דיא סאָציאל־פּאָליטישע מיינונגען פון זיין לאַנד (ער איז איבערהויפּט געוועזען א פערביסענער ענגלענדער און האָט אפילו ניט געוואָלט לערנען פרעמדע שפּראכען), ער איז אויך צו שטאַרק געוועזען פערטיעפט אין פילאָזאָפישע און קולטור־געשיכטליכע נאָכפאָרשונגען, אום צו קענען זיך אָפּזאָגען פון דיא אָנגענומענע געזעלשאפטליכע אנזיכטען און זעהען וואָס עס טהוט זיך אונטער זיינע אויגען. ער האָט זיך איבערהויפּט ווייניג אינטערעסירט און בעשעפטיגט מיט פּאָליטישע עקאָנאָמיע און מיט דער סאָציאלער פראגע פון אונזער צייט.

זיין ארויסטרעטען געגען סאָציאליזמוס ציייגט נאָך א מאָל, אז אפילו דיא גרעסטע פילאָזאָפען קענען זיך ניט אין גאנצען אָבטרייסלען פון דיא אנזיכטען פון זייער צייט אָדער יענעפאַלס פון דעם קלאַס, צו וועלכען זיי געהערען. ספּענסער'ס פערטהיידיגונג פון דער קאפּיטאַליסטישער סיסטעם מיט איהר לוין־שקלאווערייי דערמאָנט ניט ווילענדיג אָן דעם געניאלען גריכישען פילאָזאָף אריסטאָטעל, וועלכער האָט פערטהיידיגט דיא שקלאווערייי פון זיין צייט און מלחמות אלס נויטווענדיגע געזעלשאפטליכע איינריכטונגען.

פּ. קראנץ.

# אַ תפילה.

גוטע זאכען האָסטו פאָטער —
כ'בעט דיר: זאָלסט זיי מיר ניט געבען!
איין זאך בעט איך דיר נור, שטארקער —
נעהם ניט צו ביי מיר דעם לעבען!

און דיא אלע גוטע זאכען. —
א, איך קען דיר, פאָטער, שווערען —
וועל איך דאן ביי דיר שוין נעהמען
און דער גאָט וועל איך זעלבסט ווערען...

סעם קאטלער.

# חנוכה.

### דיא ווירקליכע געשיכטע, וועלכע האָט געפיהרט צו דיזען אידישען יום־טוב.

בעארבייטעט נאָך טרייע היסטאָרישע קוועלען

— פון —

## אלכסנדר האַרקאַווי.

דיא מעשה פון חנוכה איז איינער פון דיא וויכטיגסטע קאפיטלען פון דער אידישער געשיכטע; דאָך גיט ניט א קאַפּיטעל אידישע היסטאָריע, וואָס זאָל אונטער אידישע מאַסען זיין אזוי וועניג בעקאַנט ווייא דיזער. ווען איהר פרעגט אַ דורכשניטליכען אידען, פאר וואָס מען פייערט חנוכה, גיט ער אייך בלויז דיזע שטיקעל ערקלערונג: „עס איז געווען א מלך אנטיוכוס הרשע, וואָס האָט געוואָלט אידען מעביר זיין פון תורה און האָט פעראונרייניגט דעם בית־המקדש; עס זיינען דאַן אויפגעשטאַנען אידישע העלדען מיט'ן נאָמען חשמונאים, וועלכע האָבען גערעטעט דאָס אידישע פאָלק און בענייט דעם בית־המקדש.“ צו דעם ווערט צוגעזעצט דיזע לעגענדע: „ווען דיא חשמונאים האָבען זיך גענומען בענייען דעם בית־המקדש, האָט זיך דאָרטען געפונען א קריגעלע אויל, וואָס איז קוים געווען גענוג פיר איין טאָג, און גאָט האָט געמאכט א נס, עס זאָל ברענען גאַנצע אכט טעג.“ דאָס איז אונגעפעהר אלעס, וואָס אַ געוועהנליכער איד ווייס פון דער געשיכטע פון חנוכה.

דער צוועק פון דיזען ארטיקעל איז דעם אידישען עולם בעקאַנט צו מאכען מיט דער ווירקליכער געשיכטע פון חנוכה — נאַטירליך, קורצגעפאַסט, ווייל דער רוים פאר אן ארטיקעל אין דער צוקונפט ערלויבט ניט זיך צו פערברייטען איבער איינצעלהייטען און אריינצוגעהן אין לאַנגע קאָמענטאַרען (פּרושים).

דיא געשיכטע פון חנוכה הייבט זיך ניט אָן מיט דער רעגיערונגס־צייט פון אנטיוכוס הרשע (175־164 פאר קריסטוס), נאָר מיט דער צייט פון אַנטיוכוס דעם דריטען (187), ווען אונטער אידען האָבען זיך אָנגעפאַנגען שפּאַלטונגען און שטרייטיגקייטען, וועלכע האָבען געפיהרט צו זייערע צרות אונטער דיא ווייטערדיגע גריכישע קעניגע פון סיריען.

אונטער דער רעגיערונגס צייט פון אנטיוכוס דעם דריטען האָבען אידען קיין רדיפות ניט געהאַט; אדרבא, דיזער קעניג האָט זיי אליין געהאָלפען זיי זאָלען קענען אויפהאַלטען זייער אמונה און האָט זיי געשיצט געגען דיא סירישע קריעגס־פעלקער. אָבער דיא אידען האָבען צווישען זיך אליין ניט געהאַט קיין פריעדען. זיי זיינען דאַן געווען צוטהיילט אין צוויי געגענגעזעצטע פארטייען: איינע, וועלכע האָט געשטרעבט זיך צו אסימלירען מיט דיא גריעכען — דיא „העלעניסטען“, און דיא אנדערע, וועלכע האָט געוואָלט אויפהאַלטען דיא אלטע אידישע פיהרונגען. אן דער שפּיצע פון דער ערשטער פארטיי זיינען געווען רייכע צאָל־פּעכטער; דער פיהרער פון דער צווייטער פארטיי איז געווען חוניו דער דריטער, דער כהן גדול פון יענער צייט. דיזער חוניו, וועלכער האָט אין זיין האנד געהאַט דיא גרעסטע אָפּיציעלע אידישע מאכט פון יענער צייט — דיא כהונה — האָט דיא אסימילאַטאָרען פיעל געשטערט אין זייערע שטרעבונגען איינצופיהרען גריכישע קולטור און דערפון זיינען צווישען ביידע פארטייען ענטשטאַנען אינערליכע שטרייטיגקייטען, וועלכע האָבען שפּעטער געפיהרט צו רדיפות פון אויסען.

דיא ערסטע ביטערע פרוכט פון זייער אונאייניגקייט האָבען דיא אידען גענאָסען אונטער דער הערשאַפט פון סעלייקוס פילאָפּאַטאָר, אנטיוכוס דעם דריטענ'ס זוהן. דער בעאַמטער אי־

בער דיא קליינאָדען פון בית המקדש, א מאַן מיט'ן נאָמען שמעון, וועלכער האָט געהערט צו דיא העלעניסטען, האָט זיך געוואָלט איינשמייכלען ביי דעם קעניגליכען שטאטהאלטער אפּאָלאָניוס און האָט איהם אָנגעבאָטען דאָס גאָלד און זילבער, וואָס האָט זיך געפונען אין בית המקדש. אפּאָלאָניוס האָט געשיקט זיין שאַצמייסטער העליאָדאָרוס צו־צונעהמען דיא טהייערע זאכען, אָבער אַן אויפגערעגטע מענגע האָט איהם ניט צוגעלאָזען. שמעון האָט דאַן געשיקט א מסירה, אז העליאדארוס האָט ניט ערפילט זיין פליכט, ווייל חוניו, דער כהן גדול, האָט איהם אונטערגעקויפט. חוניו איז געוועזן געצוואונגען צו געהן נאָך אַנטיאָכיאַ, דיא הויפּטשטאָדט פון סיריען, זיך צו פערענטפערן פאר דעם קעניג סעלייקוס. אפּאָלאָניוס, וועלכער איז געוועזן אויפגעהעצט פון שמעון'ען, איז זייט דאַן געוועזן זעהר פיינדליך צו חוניו'ן און אלע קאָנסערוואַטיווע אידען.

סעלייקוס איז באלד נאָך דיזער געשיכטע געשטאָרבען (175 פ. קר.) און אויף דעם סירישען טהראָן איז ארויף זיין ברודער, אנטיוכוס הרשע, וויא אידען רופען איהם, אָדער אנטיוכוס עפּיפאנעס, וויא ער איז בעקאנט אין דער היסטאָריע.

פיר דיזען קעניג, זאָגען היסטאָריקער, האָט א סך מעהר געפּאסט דער נאָמען „עפּימאַנאָס“, וואָס בעדייטעט אין גריכיש משוגענער, אלס „עפּיפאנעס„ וואָס מיינט לויכטיגער. ער איז געוועזן א גרויסער שכור און פלעגט זיך אָבגעבען מיט געזעלשאפּטען פון פערדאָרבענע יונגע לייט. ער פלעגט אָפּט ארויסגעהן אין גאס פערשטעלט פיר א קליינעם בעאַמטען; ער פלעגט זיך אָבשטעלען אין מיטען גאַס און געבען פארבייגעהער שלום־עליכם. דיא, וואָס האָבען זיך ביי איהם ווערטה געמאַכט פיר א קלייניגקייט, האָט ער געקענט געבען דיא גרעסטע בעלוינונג; זיינע טרייע דיענער פלעגט ער בעלוינען מיט א זעמעל אָדער מיט א ציבעלע. ער איז געוועזן א גאַנץ פעהיגער מענש און א פריינד פון וויסענשאַפטען און קונסט, וועלכע ער האָט אָפטמאָל אונטערשטיצט. צייטענווייז איז ער אויך געוועזן גוט געשטימט. אָבער טראָץ דיזע גוטע אייגענשאַפטען איז ער געוועזן א ווילדער טיראַן.

איניגע צייט נאָך דעם, וויא אנטיוכוס עפּיפאנעס איז ארויף אויפ'ן טהראָן, איז חוניו דער כהן גדול נאָך אַלץ געזעסען אין אנטיאכיא וועגען דיא אינטערעסען פון דער אידישער געמיינדע. דערווייל איז ארוים זיין ברודער יאזאָן (יהושע), וועלכער איז געוועזן אַן אנהענגער פון דיא העלעניסטען און האָט אָנגעבאָטען דעם נייעם קעניג א גרויסע סומע געלד, ער זאָל איהם איבערגעבען דיא גרעסטע אידישע מאכט — דיא כהונה. דאָס האָט אנטיוכוס געטהאָן און יאזאָן איז געוואָרען ביי אידען א מעכטיגער הערשער. זיין גרויסע מאַכט האָט ער אָנגעווענדעט צו בעקעהרען דאָס אידישע פאָלק צום העלעניזמוס. חוניו איז געוועזן מאַכטלאָז עפּעס צו טהאָן געגען דעם און ער האָט זיך צוריקגעצויגען אין א שטאָדט מיט דעם נאָמען דאפנע.

יאזאָן האָט געשטרעבט דאָס אידישע לעבען אין גאנצען צו רעפאָרמירען נאָך דעם גריעכישען. א טהייל אידען האָבען שוין פון לאנג אָן אליין פערלאנגט אָנצונעהמען גריעכישע זיטען און פיהרונגען; נאָר אַוועקוואַרפען דיא רעליגיאָן פון זייערע עלטערן אין גאנצען האָבען זיי ניט געוואָלט; נאָך וועניגער האָבען זיי געוואָלט דיענען דיא גריכישע עבודה־זרה. זיי האָבען נאָר פערלאנגט ארויסצוטרעטען פון דער אלטער אידישער אָבגעזונדערטקייט און צו פערקעהרען מיט דער געבילדעטער געזעלשאפט פון דיא גריכען.

יאזאָן האָט גוט פערשטאַנען, אַז אַזאַ ראַדיקאלע רעפאָרם איז נאָר מעגליך, ווען מען זאָל אָנפאנגען מיט דער יוגענד, און ער האָט זיך דאַריבער גענומען צו דער ערציהונג פון קינדער. ער האָט בעקומען פון אנטיוכוס'ן — פיר א שעהנע סומע געלד— ערלויבניס אויסצובויען אין ירושלים „גימנאַזיען“, דאָס הייסט צירקען פיר קערפּערליכע איבונגען. וויא נאָר דיא צירקען זיינען פערטיג געוואָרען, האָט זיך דער אידישער עולם אזוי שטאַרק צוגעכאפּט צו זיי, דאָס דיא עבודה אין בית המקדש איז פערנאכלעסיגט געוואָרען. אין דיא צירקען, וואו מען האָט געדארפט ארויסטרעטען מוטער־נאַקעט נאָך דעם גריכישען מנהג, האָבען זיי פערדעקט זייערע לענדען, מען זאָל ניט זעהען דעם צייכען פון אידישקייט.... אזוי וויא דיא גריכען פלעגען צוליעב דעם אָפּלאכען פון דיא אידישע יונגע לייט אין דיא צירקען, האָבען פיעלע אידישע פאמיליעס גאָר אויפגעהערט מילה אָבצוהיטען. דער העלעניזמוס האָט יאזאָנען געבראכט אזוי ווייט, דאָס ער האָט געשיקט אידישע יונגע לייט נאָך טירוס (צור) צו בריינגען קרבנות צו העראקלעס,

דעם גריכישען גאָט פון קערפּערליכע איבונגען, ווען דיא גריכען האָבען געפּייערט זייערע קאַמפּף־ציילען.

דורך דיזע שטרעבונגען און איינפיהרונגען פון יאזאָן איז דיא שטאָדט ירושלים גאָר אין א קורצען משך איבערגעקעהרט געוואָרען קאַפּויר. דיא פורכט פאר דעם טיראַן אנטיוכוס, וויא אויך דיא אונטערגעבונג צום צייט־גייסט, זיינען געוואָרען אזוי גרויס, דאָס דיא קאָנסערוואַטיווע אידען זיינען געווען וויא געלעהמטע און האָבען גאָר נישט געקענט טהאָן געגען דיא מעשים, וואָס זייערע רעפאָרמירטע ברידער האָבען איינגעפיהרט.

דריי יאָהר האָט יאזאָן געוועלטיגט. נאָך דעם איז דיא כהונה פון איהם צוגענומען געוואָרען. נאָר מיט דעם איז נאָך דיא לאגע פון דיא קאָנסערוואטיווע אידען ניט פערבעסערט געוואָרען. שמעון דעם מוסר'ס א ברודער מיט'ן נאָמען חוניו, אין גריכיש מענעלאָאָס, איז אמאָל געשיקט געוואָרען פון יאזאָנען מיט א שליחות צום קעניג. דער שליח האָט בענוצט דיא שליחות פיר זיך אליין. ער האָט אנטיוכוס'ן געבעטען איהם אליין איבערצוגעבען דיא כהונה, פיר וועלכע ער וועט איהם צושטעלען מיט 300 שטיקער זילבער שטייער מעהר אלס יאזאָן. אנטיוכוס האָט איינגעוויליגט און מענעלאָאָס האָט ארייִנגעקריגען דיא כהונה.

דער אבשייליכער האנדעל מיט דער כהונה האָט שטאַרק געקרענקט דיא העלעניסטען, און עס האָט נאָך א האָאר געהאַלטען ביי אַן אויפשטאנד געגען מענעלאָאָס'ן. ער האָט אָבער ניט געלאָזען עס זאָל קומען דערצו. ער האָט זיך איינגעשאַפּט א גאנצע קריעגס־מאכט און האָט דיא כהונה געהאַלטען מיט געוואַלד. יאזאָן, דער פריהערדיגער כהן גדול, איז ענטלאָפען.

מענעלאָאָס איז געווען אַן אונמענש. איין מאָל, אין אנטיוכוס'עס אבוועזענהייט, איז ער גערופען געוואָרען נאָך אנטיאָכיע וועגען דיא פערציהונג פון זיין שטייער פיר דיא כהונה. ער האָט בערויבט דעם בית המקדש פון אלע טהייערע זאכען און מיט דיזער גזלה האָט ער זיך איינגעשמייכעלט ביי אַנדראָניקאָס'ן, וועלכער האָט רעגיערט אין דער אבוועזענהייט פון דעם קעניג. מיט דיזען אנדראָניקאָס האָט ער אָפּגעמאכט, ער זאָל לאָזען טויטען דעם עהרליכען חוניו, דעם פריהערדיגען כהן גדול. ווען אנטיוכוס איז געקומען צוריק אין זיין רעזידענץ־שטאָדט האָט אנדראָניקאָס פיר דיזען מאָרד־טהאט בעצאָהלט מיט זיין לעבען. מענעלאָאָס אָבער האָט געוואוסט ביים קעניג זיך גוט איינצושמייכלען און ער האָט ביי איהם זיין חן ניט פערלאָרען.

דיא שנאה פון דעם פאָלק צו מענעלאָאָס'ן האָט דערגרייכט דעם העכסטען גראד. עס איז ארויסגעקומען א שרעקליכער אידישער בירגער־קריעג אין ירושלים. דיא העלעניסטען און זייערע געגנער האָבען זיך געגענזייטיג אויסגעשלאַכטעט. אנטיוכוס איז אליין געקומען אונטערדריקען דעם אויפשטאנד, און ער האָט געלאָזען שלאַכטען אידען אָהן רחמנות. אין פערלויף פון דריי טעג זיינען אין דיזער אויסשלאכטונג אומגעקומען 40,000 פּערזאָן. אנטיוכוס האָט אין איין גאנג אויסגעפּלינדערט דיא אוצרות פון בית־המקדש.

יאזאָן איז ביטער פערפאָלגט געוואָרען פון אַנטיוכוס'ן. ער איז געלאָפען נאָך אראביען, עגיפּטען און אנדערע ערטער, ביז ער איז ענדליך געקומען נאָך ספּארטא, וואו ער איז געשטאָרבען. מענעלאָאָס איז נאָך אלץ געבליבען אויף זיין שטעלע; אָבער דער טעמפּעל האָט שוין זיינע אוצרות פערלאָרען און דאָס פאָלק, פון וועלכען פיעלע זיינען אומגעקומען אין דער שלאכט און פיעלע זיינען אוועקגעפיהרט געוואָרען פון אנטיוכוס'ן אלס שקלאַפען, איז פעראָרעמט און צוזעעט געוואָרען.

דער משוגענער סירישער קעניג אנטיוכוס עפּיפאנעס האָט נאָך דעם גאָר אונגעריכטערהייד געלאָזען בעפאָלען ירושלים צו אונטערדריקען דיא קאָנסערוואטיווע אידען און זיי צו צווינגען אנצוערקענען דיא גריכישע מנהגים און דעם גריכישען געצענדיענסט. דעם כהן גדול, דעם העלעניסט מענעלאָס, וועלכער איז געווען אזא ווילדער טיראַן ווי אנטיוכוס, האָט די אונטערדריקונג פון זיינע אָרטהאָדאָקסישע ברידער גאָר ניט געקימערט. פערקעהרט, דאָס האָט איהם שטאַרק הנאה געטהאָן און ער האָט נאָך אַנטיוכוס'ן געזוכט צו איבערצייגען, אז נאָר מיט גוואַלד וועט מען קענען אויספיהרען דעם פּלאַן אידען צו אסימילירען מיט דיא גריכען. באלד נאָכדעם איז ארויס א שטרענגער קעניגליכער בעפעהל, דאָס דער גריכישער גאָטעס־דיענסט זאָל איינגעפיהרט ווערען אומעטום, וואו אידען געפינען זיך. אין בית־המקדש האָט מען דיא אידען בעפוילען צו דינען צום גריכישען גאָט

צעאוס און אין פיעלע ערטער האָט מען געלאָזען אויפשטעלען מזבחות צו דיא פערשיעדענע אַנדערע גריכישע געטער. מילה, שבת און יום-טוב היטען, לייענען דיא תורה אין דער היים און מאכען פערזאמלונגען צו דיענען דעם אידישען גאָט זיינען געווען פערבאָטען אונטער טוידט-שטראָף. פיר דאָס אָבהיטען פון דעם מינדסטען אידישען געזעץ האָט מען בעצאָהלט מיט'ן לעבען. דיא קעניגליכע הענקערס זיינען אומגעגאנגען איבער שטעדט און דערפער און האָבען גענויט דיא אונגליקליכע אידען מקריב צו זיין קרבנות צו דיא אָבגעטער.

צוליעב דיזע גוואלדיגע אכזריות זיינען, אמת, פיעלע אידען אָבגעפאלען פון זייער רעליגיאָן, אָבער ביי פיעלע אַנדערע האָט זיא זיך דאגעגען פערשטאַרקט. מאַנכע האָבען זיך בעסער געלאָזען אומברענגען מיט דעם שרעקליכסטען טוידט איידער צו שיידען זיך מיט דער רעליגיאָן פון זייערע עלטערן. אזוי, למשל, האָבען זיך בעגאַנגען א נייַנציג יעהריגער אַלטער מאַן מיט'ן נאָמען אלעזר און א אידישע פרוי מיט'ן נאָמען חנה, וועלכע האָט געלאָזען אומברענגען אלע איהרע זיבען קינדער איינציגווייז פאַר איהרע אויגען און נאָכדעם אויך זיך אליין. אין דיזער שרעקענס-צייט האָט אויך מענעלאָאס געפונען זיין אנקלעגער און ער איז פער'משפט געוואָרען צו א שרעקליכען טוידט.

אין מיטען פון דיזע שרעקליכע פערפאָלגונגען זיינען אויפגעשטאַנען זעקס העלדישע רעטער. זיי האָבען געהערט צו א משפחה פון כהנים אין מודעית (מאָדין), א שטעדטעל נעבען ירושלים. זיי האָבען ערמונטערט דאָס אידישע פאָלק און האָבען אָרגאניזירט אַן אויפשטאַנד געגען דיא טיראַנישע הערשאַפט פון אנטיוכוס עפיפאנעס. דיזע משפחה איז בעשטאַנען פון א פאָטער און פינף זיהן. דער פאָטער האָט געהייסען מתתיה און דיא גאַנצע משפחה האָט געטראָגען דעם נאָמען „האַסמאָנער„ (חשמונאים) און אויך „מאַקאַבעער" (מכבים). *)

אלס דער סירישער גענעראל אפעללעס איז געקומען קיין מודעית צו נויטען דיא אידישע איינוואָינער אוועקצו-וואַרפען זייער רעליגיאָן און האָט געפאָדערט פון מתתיה'ן, אז ער, אלס פאָרשטעהער פון דער געמיינדע, זאָל דער ערסטער אָננעהמען דיא עבודה זרה, האָט מתתיה געענטפערט: „ווען אפילו אלע פעלקער, וואָס געפינען זיך אונטער דיא הערשאַפט פון דעם קייזער, וועלען אויפגעבען זייערע אמונה, וועל איך, מיינע זיהן, ברידער און שוועסטער דאָך בלייבען פעסט ביי אונזערער". איין איד איז צוגעגאנגען צו דעם מזבח, וועלכען מען האָט דאָרט אויפגעשטעלט, און האָט געוואָלט מקריב זיין א קרבן צום אָבגאָט צעאוס, האָט איהם מתתיה געטוידטעט. אין דער זעלבער צייט האָבען זיינע זיהן גע'הרג'עט אפעללעס'ן מיט זיינע אדיוטאנטען האָבען צובראָכען דעם מזבח.

דאָס איז געווען א סיגנאל צו אַן אויפשטאַנד געגען דעם טיראן. מתתיה האָט געשווינד אָנגעהויבען ארומצולויפען איבער דער שטאָדט צוזאמענצורופען העלדישע יונגע לייט, און עס האָט ניט לאַנג געדויערט, וויא עס האָט זיך צונויפגעקליבען א מחנה העלדישע אידען. מתתיה איז מיט זיי אוועק אין דיא בערג, אום דאָרט אין פערבאָרגענע העהלען זיך צוצוגרייטען צו דער מלחמה. ווען זיי זיינען געווען פערטיג, האָבען זיי זיך ארייגגעריסען אין דיא שטעדט, האָבען צושטערט דיא טעמפּלען פון דיא גריכישע אָבגעטער, האָבען בעשטראָפט דיא אידען, וואָס זיינען אָבגעפאלען פון זייער רעליגיאָן און האָבען אויפגעמונטערט דיא, וועלכע זיינען איהר געבליבען טריי.

עטליכע חדשים נאָך דעם, וויא דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכען, איז מתתיה געשטאָרבען (166 פ.קר). פאַר זיין טויט האָט ער זיינע זיהן אויפגעמונטערט צום קאַמפּף געגען שונא און האָט זיי געבעטען צו זיין אייניג צווישען זיך. ער האָט בעשטימט דעם העלדישען יהודה אלס קריעגסמאַן און זיין עלטערן זוהן שמעון אלס ראַטה-געבער. יהודה מכבי האָט זעהר גוט געטויגט צו דער מלחמה. מוטהיג וויא א לייב איז ער ארויס געגען דער סירישער ארמעע, וועלכע איז געווען אונטער דער קאָמאנדע פון

*) דער נאָמען האַסמאָנער (חשמונאים) קומט נאָך יאָזעפוס פלאוויוס'ן (מאקאבעער, בוך 12. 6) פון זייערן אַן עלטער-זיידען, וועלכער האָט געהייסען „האַסמאָן" (חשמן), וועגען דעם נאָמען „מאקאבעער, וואָס מע שרייבט געוועהנליך אין העברעאיש „מכבי", איז דיא ראשי-תבות פון מתתיהו כהן בן יוחנן. אַן אנדער דעה איז, אז „מכבי" איז דיא ראשי תבות פון מי כמוך באלים יהוה, וועלכע ווערטער, וויא מען גלויבט, זיינען געווען אויפגעשריבען אויף דיא מאַקאַבעער פאָהן.

גענעראל אפאלאניאס. ער האט דיזע ארמעע בעזיעגט, און אפאלאניאס האט זיין לעבען פערלארען. א קורצע צייט נאך דעם האט יהודה בעזיעגט דעם גענעראל סעראנאס אין בית חרן. סעראנאס און אכט הונדערט סיריער זיינען געהרג׳עט געווארען און דיא איבריגע זיינען ענטלאפען.

אנטיוכוס עפיפאנעס, וועלכער האט פריהער אליין געמיינט, אז דיא אידישע רעוואלוציאן איז א קינדער־שפיעל, איז יעצט אריינגעקומען אין גרויס צארן און האט בעשלאסען איינפאך אויסצוראטען אלע אידען. ער האט ארויסגעשיקט אן ארמעע פון א פערציג טויזענד סאלדאטען אונטער גענעראל גארגיאס. יהודה מכבי האט געגען דיזער ארמעע געהאט בלויז איניגע הונדערט מאן. איידער ער איז ארויס אין שלאכט האט ער דאס קליינע הייפעלע קריעגס־לייט צוזאמענגערופען אין מצפה און זיי אויפגעמונטערט. זיי זיינען געוועזען זעהר מוטהיג און האבען זיך העלדיש א לאז געטהאן געגען דעם שונא. דורך קלוגע טאקטיק האט יהודה ענדליך געזיעגט איבער געארגיאס׳ן מיט זיין גרויסער ארמעע. אנטיוכוס האט דאן געשיקט זיין גרעסטען גענעראל ליזיאס מיט אן אויסגעקליבענער ארמעע פון 65,000 מאן, אבער יהודה מיט זיינע העלדישע סאלדאטען האבען אויך בעזיגט דיזען גרויסען קריעגער. נאך דיזער שלאכט, וועלכער איז פארגעקומען אין דעם ארט בית־צור, האט זיך געענדיגט דער קאמפף.

ווען דאס לאנד איז געווארען פריי פון דעם שונא, האט יהודה געהאלטען פיר א פליכט צו רייניגען דעם פעראונרייניגטען בית־המקדש. אלס ער מיט זיינע אנהענגער זיינען געקומען קיין ירושלים און האבען זיא געפונען לעער און פערוואקסען מיט גראז, האבען זיי זיך ניט געקענט איינהאלטען פון וויינען. מיט דער הילף פון דיא כהנים האט ער ריין געמאכט דעם טעמפעל, האט געלאזען מאכען נייע כלים, און דעם 25טען טאג פון כסלו אין דעם יאהר פון דער בעפרייאונג (164 פ. קר) האט ער לכבוד דעם גרויסען זיעג געפייערט דיא בענייאונג פון דעם בית־המקדש, וואס הייסט אין העבעראיש ה נ ו כ ה גאנצע אכט טעג.

# ניקאלאי׳ס חסדים.

(צוגעשיקט פון רוסלאנד)

פאר דיין הויכקייזערליכע מאיעסטעט
בויג איך מיין קאפף, „ניקאנדר אבמאנאוו״*)!
פערצייה מיר — אה, גרויסמוטהיגער — מיין חטא,
שיינק גנאד מיר, ניקאלאי ראמאנאוו!

כ׳בין זינדיג זעהר, — איך מוז דאס מודה׳ן, —
נאר דו ביזט דאך מיט חסד דורכגענומען:
די מעלה פון דיין עלטער־זיידען,
„צאר ניקאלאי,״ האסט בירושה בעקומען.

איך בין ביז איצט געווען פעראירט:
כ׳האב דיך פאר א טיראן בעטראכט.
צום סוף ניט לאנג האב איך ערשפיערט,
אז דו ביזט גאר — א פרייהייטס מאכט!

דיין לעצטען „מאניפעסט״ האב איך געלעזען:
כ׳האב פלוצלונג גאר דיין גרויסקייט קלאר ערבליקט!
כ׳האב דורכגעדרונגען שנעלל דיין גאנצעס וועזען,
דען זינן, וועלכער אין איהם פערבארגען ליגט:

דו שרייבסט דארט ליעבליך, פרייהייטס מלאך,
אז דאוונען יעדעס פאלק מעג פריי,
אז פאר א פיהרער ווילסט דען גלה
ביי אונז איצט מאכען אויף דאס ניי!

איך דאנק דיר זעהר, מיין פרומער קעניג,
פאר דיין פיעל הערצענסגנאדען — צוואר
איך בין מיט דיר ניט גאר איינזינניג
מכוח פרייהייט, פרייער צאר!

מעדוועזשי גלאז.

*) אונטער׳ן צונאמען „ניקאנדר אבמאנאוו״ איז צאר ניקאלאי געווען הומאריסטיש געשילדערט אין א רוסישער צייטונג.

# פּיוזשאָן און ארבייטער פּאָליטיק.

מיר האָלטען היאָהר ביי אַ פּרעזידענשאל קאַמפּיין, עס איז דערפאר די רעכטע צייט צו בעטראכטען וואָס איז די ריכטיגע פּאָליטיק פאר די ארבייטער־קלאַססע בכלל און פאר די סאָציאליסטען בפרט אין אַמעריקאַ.

פאר א יאָהרען האָב איך געמאכט דעם חשבון פון די סאָציאליסטישע שטימען ביי דער לעצטער עלעקשאָן פאר׳ן קאָנגרעס. די אונטערסטע שורה פון דעם חשבון איז אויסגעקומען געגען די היינטיגע טאַקטיקע פון די אַמעריקאַנער סאָציאליסטישע פּארטייען, און פּייגענבוים און סלאָבאָדין האָבען געפונען פאר נויטיג מיר צו ענטפערן. די פראגען וועלכע זיי האָבען בעריהרט זיינען זעהר וויכטיג און איך וויל דאָ דייטליך ערקלערען מיין מיינונג.

איך האָב אויסגערעכענט אין מיין יענעם ארטיקעל, אז מיט דעם וואוט פון 1902 וואָלטען די סאָציאַליסטען געקענט האָבען א דעה, ווער עס זאָל עלעקטעט ווערען פּרעזידענט אין 1904, ווען זיי וואָלטען ניט געווען אזוינע „כשר׳ע נשמות“, דאָס זיי ווילען בשום אַופן פון קיין פּיוזשאָן ניט הערען. פּייגענבוים מיינט אז איך פארשטעה ניט ריכטיג פאר וואָס דיא סאָציאליסטען זיינען געגען יעדען קאָמפּראָמיס מיט אנדערע פּארטייען“. עס איז ניט צוליעב א מין פאַנאטיישע בטלן׳ישע אָבגעהיטקייט, ווי די איבערטריבענע חסדות פון דעם בטלן דעם פּרומאַק“, נאָר אויס פּראַקטישע גרינדע, זאָגט ער.

לאָמיר הערען וואָס איז דער „פּראַקטישער“ גרונד, וועלכען ער גיט אָן:

„דיא וואוטערס וואָס ווענדען זיך ענדליך צו אונז, טהוען דאָס אויס פעראכטונג צו די קאַפּיטאַליסטישע פּארטייען, און ווען מיר אַליין וועלען מיט דיעזע פּארטייען קאָמפּראָמיסעווען אויף אַזאַ אופן; וועלען אונזערע וואוטערס אונז גראָדע אזוי פעראכטען.“ וואָסזשע הייסט דאָס?

אז ביי „אונז“ וואָלט מען שוין אפשר געפּועלט א קאָמפּראָמיס מיט אנדערע פּארטייען, ווען עס וואָלט זיך געלוינט, אָבער „די סאָציאליסטישע וואוטערס“ פעראכטען אזוי יענע פּארטייען, אז לאָמיר נאָר פּרואווען אַ קאָמפּראָמיס, וועלען „זיי“ אונז אויך פעראכטען. מיט אנדערע ווערטער, „מיר“ אליין זיינען פריי פון דער „בטלן׳ישער אָבגעהיטקייט,“ „דיא בטלנים דיא פּרומאַקעס,“ זיינען „זיי“, די סאָציאליסטישע וואוטערס. וואָס מאכט דאָס אָבער אויס? איך האָב דאָך פון קיינעם פּערזענליך ניט גערעדט. ווען דיא פראגע איז א ריין פּראַקטישע, טאָ וואָס האָט מען דאָ צו „פעראַכטען“ יענעם וואָס האַנדעלט אונפּראקטיש? פעראכטונג קומט אימער פון מאָראַלישע גרינדע.

מיסטער סלאָבאָדין רעדט גאָר אנדערע רייד. דיא פּיוזשאָניסטען אין דער סאָציאליסטישער פּארטיי, דערציילט ער, זיינען אָפּגעשראָקען און האָבען מורא אויסצורעדען אָפען וואָס זיי דיינקען.“ ער מיינט אז איך בין אויך אַ מעמבער פון דער פּארטיי און דעריבער קומט עס ביי איהם אויס גאַנץ נאַטירליך אז איך האָב אויך „מורא אז וועלכע עס איז צו שטרענגע כעקציאָן וועט פאָרשלאָגען מען זאָל איהם (דאָס מיינט ער מיך) אויסשליסען.“

איך בעלאַנג אָבער ניט צו קיין פּארטיי וואו מי דאַרף מורא האָבען אויסצורעדען אָפען וואָס מי דיינקט. אָבער די בעמערקונג איז ווערט גוט צו בעטראַכטען.

„אויסשליסען“ איז אזוי ווי אין חרם אריינלייגען. דאָס איז דיא העכסטע שטראפע וואָס א פערבאנד אָדער א געזעלשאפט קען ארויפלעגען אויף איהרען אַ מיטגליעד. דער אויסגעשלאָסענער ווערט בעטראכטעט אַלס אַן עהרלאָזער מענש. אזא שטראפע ווערט נאָר ארויפגעלעגט פאר א שווערען פערברעכען. ווען א מעמבער האָט נאָר געהאַנדעלט אונפּראַקטיש, דערפאר וועט מען אין קיין געזעלשאַפט, אין קיין פערבאנד אין דער וועלט אַ מעמבער אזוי ניט שענדען. אַלזאָ, ווען סלאבאָדין האָט ריכטיג פאָרגע־

שטעלט זיין פארטיי, טא בעדייטעט דאס, אז רייזען ווענגן פיוזשאן ווערט בעטראכטעט ניט בלויז אלס נארישע רייד, נאר אלס פעררעט.

פיעלייכט האט סלאבאדין איבערטריבען? אפשר איז דאס גאר אן המצאה? נאר ווער איז גערעכט? דארויף האבען מיר פאקטען. מיט א פאר יאהר צוריק איז אין האבאקען איינשטימיג ווידערערוועהלט געווארען א סאציאליסטישער זשאסטיס אוו דהי פיס (א מיראוואי סודיא). דעם ערסטען מאל איז ער, דאכט זיך, אפוינטעט געווארען פון גובערנאטאר אויף א וואקאנטען פלאץ. נאכדעם וויא ער איז אפגעוועזן זיין טערמין איז ער אזוי באליעבט געווארען פון אלע איינוואוינער, דאס ווען די סאציאלדעמאקראטישע פארטיי האט איהם אויפגעשטעלט אלס קאנדידאט, האבען אי די דעמאקראטען, אי דיא רעפובליקאנער איהם אויך אויפגעשטעלט. אויף דעם פערלאנג פון דער סאציאלדעמאקראטישער פארטיי האט ער ערקלערט אין די צייטונגען, אז ער בעטראכטעט זיך נאך אלס קאנדידאט פון דער סאציאלדעמאקראטישער פארטיי. פון קיין קאמפראמיס, פון קיין פיוזשאן אין דעם געוואוינליכען זין פון ווארט איז אלזא קיין רעדע ניט געווען, נאך דער עלעקשאן אבער האט דיא פארטיי איהם אויפגעפאדערט ער זאל רעזיגנירען זיין אמט. ער האט זיך ענטזאגט דאס צו טהאן, ווייל ער האט זיך בעטראכטעט אלס א פערטרויענסמאן פון דעם גאנצען פאלק פון זיין דיסטריקט. דערפאר האט איהם די פארטיי אויסגעשלאסען, דאס הייסט: „א חשד טאר ניט פאלען אויף דעם קייזערס ווייב“.

איך וויל דא ניט פיהרען א ויכוח צו מי האט געדארפט אזוי טהאן, צו ניט: „דו ביזט גערעכט און דיין משפט איז גערעכט,“ יעדענפאלס פון דעם שטאנדפונקט פון דער פארטיי. איך זוך נאר צו דערגעהען וואס איז דער שטאנדפונקט פון דער פארטיי.

אנאנדער ביישפיעל איז דער פארשלאג אויסצושליסען פון דער פארטיי דזשאב הארימאן, דעם קאנדידאט פאר וויס־פרעזידענט און דעלעגאט צום אינטערנאציאנאלען קאנגרעסס אין פאריז, זיין שולד איז בעשטאנען אין דעם, וואס ער איז געווען דער הויפט אנפיהרער אין דער פיוזשאן מיט דער ארבייטער פארטיי אין קאליפארניא. דער פארשלאג איז געמאכט געווארען שוין א צייט נאך דעם ווי די פיוזשאן האט שטאטגעפונען, נאך דעם ווי די נאציאנאלע קאמיטע האט אנגענומען א רעזאלוציאן געגען פיוזשאן, די סעקציאן מאלדען וועלכע האט געמאכט דעם פארשלאג האט בעשיימפערלאך בעטראכטעט הערימאן'ס האנדלונג פאר אונעהרליך. א מאן וועלכער פארנעהמט אזא וויכטיגע שטעלונג אין א פארטיי שלאגט מען ניט פאר ארויסצוטרייבען מיט שאנדע פאר דעם נאר וואס ער האט געהאנדעלט אונפראקטיש. ווער רעדט שוין ווענגן דער ס. ל. פ.!

דאס וואס דער פארשלאג אויסצושליסען הערימאנען איז דורכגעפאלען, איז יעדענפאלס א פארטשריט. עס איז א גוטער סימן וואס פייגענבוים שטעלט די פראגע אויף א פראקטישען באדען: ווען עס האנדעלט זיך נאר דעריבער צו פיוזשאן איז פראקטיש, צו ניט, טו קען מען האפען אז מיר וועלען נאך אפשר קומען צו א פערשטענדיגונג.

צוערסט, לאמיך פרעגען: וואס הייסט פיוזשאן? עס איז א מיטעל מיט וועלכען א מינאריטעט צווינגט די הערשענדע פארטייען איהר אויך צו געבען א שטימע אין קהל'שע זאכען, איז דאס אן עולה? ווען אין א סטייט ווי קענסאס באשטעהט די מאיאריטעט פון פאלק פון פארמערס און אפילו ניט א גאנצע פערטעל פון דיא איינוואוינער זיינען שטאדטישע, און פון די זיינען אויך ניט אלע ארבייטער, זאלען זיי דען ווארטען ביז וואנען די ארבייטער קלאסע וועט ווערן א מאיאריטעט אין יענעם סטייט? עס קען גענעמען פופציג יאהר, און דערווייל זאלען זיי דען אויסקומען אהן אירגענד וועלכע געזעצע וואס זאלען בעשיצען זייער געזונד און לעבען ביי דער ארבייט, וואס זאלען באשרענקען די קינדער ארבייט? איז דאס קלאסענבעוואוסטע ארבייטער־פאליטיק?

פיוזשאן הייסט ניט אז די מינאריטעט שענקט אוועק איהרע שטימען צו די הערשענדע פארטייען. דורך פיוזשאן בעקומט די מינאריטעט א געוויסע צאהל פון איהרע אייגענע פארטרעטערס. עס זיינען פאראן לענדער וואו דער פרינציפ פון מינאריטעטס־פערטרעטונג איז שוין אנערקענט פון דעם געזעץ. ווען, צום ביישפיעל, עס קומט פאר א וואהל פון דרייסיג אלדערמען אין א שטאדט, טו האט איין דרייסיגסטער חלק פון אלע וואוטערס דאס רעכט צו בעקומען אן אייגענעם אלדערמען. אין א שטאדט ווי מילוואקי, וואו א זעקסטעל פון אלע וואוטערס זיינען סאציאליסטען, וואלטען זיי געהאט דאס

רעכט צו ערוועהלען איינעם פון יעדע זעקס
אָלדערמענס. אונטער דער אמעריקאנער סיסטעם
פון עלעקשאָנס אָבער קריגען זיי קיין איינציגען
ניט. דורך פיוזשאָן וואָלטען דיא סאָציאליסטען
געקענט צווינגען איינע אָדער די אַנדערע פון די
קאַפּיטאַליסטישע פּארטייען אויפצושטעלען אַ
געוויסע צאָהל סאָציאליסטישע קאַנדידאַטען,
וועלכע וואָלטען דאַן ערוועהלט געוואָרען. אלזאָ,
דער ווייז אז דורך פיוזשאָן האָט דער ארבייטער
נאָר די ברירה צו ווערען געשאָסען פון אַ רעפּוב־
ליקאַנער שעריף, אָדער געקוילעט צו ווערען
פון א דעמאָקראטישען,—איז ניט געלונגען. אָט
האָבען מיר שוין געזעהען אין ניו יאָרק אז דורך
פיוזשאָן מיט דער סיטיזנעס יוניאָן איז אַ פּער־
טרעטער פון יוניאָנס אין 1901 עלעקטעט גע־
וואָרען פאר שעריף.

זאָלאַנג א פּארטיי איז אין דער מינאָריטעט,
קען זי מיט איהרע שטימען אימער נאָר העלפען
איינער אָדער דער אַנדערער פון די צוויי גרויסע
פּארטייען: ווען זי שטעלט ארויס אייגענע קאַנ־
דידאַטען, ציהען זיי אוועק שטימען פון איינער
אָדער פון דער אַנדערער פּארטיי, און דאדורך
ווערט ענטשידען די וואהל. ווען זי שטעלט גאָר
קיין קאַנדידאַטען ניט ארויס און איהרע וואָו־
טערס בלייבען אין דער היים, איז עס פונקט
אזוי ווי ווען זי גיט אוועק אָפען איהרע שטי־
מען פאר דעם אָדער פאר יענעם קאַנדידאַט. די
פּאָליטישענס ווייסען עס גאַנץ גענוי. זעהר אָפט
נאָמינירען זיי בכיוון „אונאַבהייננגינגע“ קאַנדי־
דאַטען, כדי אָפּצוציהען וואוטס פון דער געג־
נערישער פּאַרטיי. מיינט ניט אז מיט אַן „אונ־
קאָמפּראָמיסליכער פּארטיי“ קען מען קיין ביזנעס
ניט מאכען:

א ביישפּיעל איז די געשיכטע ווי אזוי עס איז
אָרגאַניזירט געוואָרען די סאָציאלדעמאָקראטי־
שע פּארטיי אין דעם סטייט נעבראסקא אין
1900. וועגען דעם האָט די סטייטקאָמיטע פון דער
סאָציאליסטישער פּארטיי פון נעבראסקא פאר־
עפענטליכט אינטערעסאַנטע פאקטען. ביי דעם
לעצטען פּרעזידענשאַל קאמפּיין איז די פּאָפּו־
ליסטישע פּארטיי נאָך געווען דיא צווייטע
פּארטיי אין נעבראסקא. זיא האָט אינ־
דאָסירט ברייענען פאר פּרעזדענט און ער האָט
געהאַט גוטע טשאַנסען צו געווינען דעם סטייט.
אום איהם צו שלאָגען אין זיין אייגענעם סטייט,
האָבען דיא רעפּובליקאנער גערונגען עטליכע
סאָציאַליסטען זיי זאָלען ארויסשטעלען א פולען
סאָציאלדעמאָקראטישען טיקעט מיט פּרעזידענ־
שאל־עלעקטאָרס. א סטייט־אָרגאניזיישאָן איז גע־
שאפען געוואָרען, מי האָט נאָמינירט קאַנדידאַ־
טען, דעבס איז געלאָפען פאר פּרעזידענט, און
די רעפּובליקאַנער פּארטיי האָט בעצאהלט די
עקספּענסעס. נאַטירליך, האָט דעבס פון דעם
גאָרנישט ניט געוואוסט, דאָס איז אָבער א זיי־
טיגע זאך. דער עיקר פון דער מעשה איז, אז אַ
קלוגער יונג א סאָשאליסט, וואָס פארשטעהט
אַ שטיקעל ביזנעס קען אַ מאָל מאכען א היבשע
פּאר דאָלאר דורך „אונקאָמפּראָמיסליכער“ סאָ־
ציאליסטישעפּאָליטיק. ווען די סאָציאַליסטען
טוען די טובה אומזיסט, איז פאר די פּאָליטי־
שענס אוודאי רעכט.

מיינע אנארכיסטישע פריינד ווען דערפון
אפשר שליסען אז עס איז גלייכער גאָר ניט צו
וואוטען, בלייבט מען ווייניגסטענס ריין. נו,
איז דאָס אויך גאָר קין בעוויז ניט. אין דעלאַ־
ווער האָבען די הילערס פון דעם רעפּובלקאַנער
בודלער אַדיקס געצאָהלט געלד דעמאָקראטישע
פארמערס, ניט זיי זאָלען שטימען פאר די רע־
פּובליקאַנער קאַנדידאַטען, אָ ניין, נאָר זיי זאָלען
ביי דער עלעקשאָן בלייבען זיצען אין דער היים.

אלזאָ, שטימט יא, שטימט ניט, שטימט
פאר אַ קאַפּיטאַליסטישען קאַנדידאַט, אָדער
פאר אייער אייגענעם קאַנדידאַט, — איהר האָט
נאָר אַ ברירה צווישען אַ דעמאָקראט און א רע־
פּובליקאַנער און איינער פון זיי מוז עלעקטעט
ווערען. פערקערט, דורך פיוזשאָן האָט איהר יא
וואָס צו זאָגען אין דער עלעקשאָן. ערסטענס,
קריעגט איהר א געוויסע צאָהל פון אייערע איי־
גענע קאַנדידאַטען, וואָס ווערען עלעקטעט. און
צווייטענס, האָט איהר א דעה ווען די אַנדערע
פּארטיי זאָל אויפשטעלען פון איהר זייט אויף
איהר אייגענעם טיקעט.

ווען דיא סיטיזענס יוניאָן האָט פאר צוויי
יאָהרען געמאכט פיוזשאָן אין נויאָרק מיט די
רעפּובליקאַנער, האָט די סיטיזנעס יוניאָן ארויס־
געשטעלט איהר אייגענעם קאַנדידאט פאר
מייאָר, וועלכען די רעפּובליקאַנער האָבען מיט 4
יאָהר פריהער אויסגעבראקירט; און אפילו דיא
סינגל־טעקסערס פון דער „דזשעפערסאָניאן דע־
מאָקראסי“ (אָדער ווי זיי האָבען זיך גערופען)
האָבען אויך בעקומען אַ דזשאָדזש פון סיטי־

קאָרט סאַמיועל סיבערי, וועלכער איז עלעקטעט געוואָרען.

מיט דעם ביישפּיעל וויל איך בעווייזען אז דורך פיוזשאָן בעקומט אַ קליינע אָרגאַניזאַציאָן אויף איהרע רעפּרעזענטאַנטען. דורך „אונקאָמפּראָמיסליכע" פּאָליטיק דאַגעגען העלפט מען נאָר איינער פון די קאַפּיטאַליסטשע פּארטייען.

מי וואָלט געקענט מיינען ווען מי לעזט נאָר די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּרעסע, אז וואַהל קאָמפּראָמיסען זיינען גאָר אונבעקאַנט אין דער געשיכטע פון די סאָציאַליסטישע פּארטייען. דאָס איז אָבער א נעכטיגער טאָג. אין ענגלאַנד, אין פראַנקרייך, אין דער שווייץ, אין בעלגיען, אין שוועדען, זיינען סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען עלעקטעט געוואָרען דורך פיוזשאָן מיט אנדערע פּארטייען. קענט איהר געגנער פון פיוזשאָן, עס לייקענען.

יאַלמאַר בראַנטינג, ביז דער לעצטער עלעקשאָן דער איינציגער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט אין שוועדישען פּארלאַמענט, איז עלעקטעט געוואָרען אויף אַ פיוזשאָן טיקעט, פּונקט אזוי ווי די פּאָפּוליסטען האָבען געמאַכט פיוזשאָן מיט די דעמאָקראַטען דאָ אין אַמעריקא. און מיר זעהען פון פּראַקטיקע אז אין אייראָפּא, וואו פיוזשאָן איז גאָר ניט אַזאַ איי־איי־איי, וואַקסט די צאָהל פון סאָציאַליסטישע פּארטייען, וועהרענד דאָ הי, וואו דער קאַפּיטאַליזמוס איז שטאַרקער ענטוויקעלט וויא אין אייראָפּא, האָבען די סאָציאַליסטען דערוויילע סך הכל צוויי פּראָצענט פון די וואוטס און קיין איינציגען פּאַרטרעטער אין קאָנגרעס, הגם אפילו מיט דעם וואוט וואָלטען זיי אונטער דעם פּראָפּאָרציאָנאַל וואַהל סיסטעם געזאָלט קריגען זיבען קאָנגרעסלייט.

מען דערציילט אונז מעשיות כלומרשט די וואוטערס „ווילען ניט ווערען פארשאַכערט". מי וואָלט געקענט מיינען אז אלע וואוטערס שטימען שוין אימער סטרייט פאר דעם סאָציאַליסטישען טיקעט. אָבער סלאָבאָדין אליין דערציילט אונז אז „דערווייל הערען מיר גאָר די גענאָסען פון אָהייאָ זיך בעקלאָגען, אז די רעפאָרם בעוועגונגען זיינען א צרה און א שטערונג צום וואַקסען פון סאָציאַליזמוס." ער מיינט נאַטירליך א שטערונג צום וואַקסען פון דעם וואוט פאר דיא סאָציאַליסטישע פּארטיי, פאר דיא גענאָסען פון אָהייאָ איז דאָס אלץ איינס.

וואָסזשע בעדייטעט דאָס? ניט מעהר און ניט ווענינגער, אז ווען עס ווערט א רעפאָרם־בעוועגונג, פאַלען אָפּ וואוטס פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי. ווען דזשאָנז איז געלאָפען פאר גאָווערנאָר פון אָהייאָ, האָט דער קאַנדידאַט פאר גאָווערנאָר פון דער ס. ל. פּ. בעקומען פּונקט די העלפט פון די וואוטס וואָס די איבעריגע קאַנדידאַטען אויף דעם סאָציאַליסטישען טיקעט האָבען געצויגען, הייסט דאָס דאָך אז א העלפט פון די סאָציאַליסטישע וואוטערס וואָלטען גאָר נישט ניט געהאַט דאַגעגען ווען די ס. ל. פּ. וואָלט געמאַכט פיושאָן מיט מר. דזשאָנז.

עס קלינגט גאַנץ פיין ווען מי רעדט פון „פערשאַכערען וואוטערס," „קוהאַנדעל" און זאָ ווייטער. ווען אָבער א פּארטיי געפינט עס פאר ניצליך צו אונטערשטיצען די קאַנדידאַטען פון אנאנדער פּארטיי און ערקלערט די אורזאַכע פאר איהרע גענאָסען און סימפּאַטייזערס, פאר וואָס זאָל עס הייסען „פארשאַכערען"? ביי דער לעצטער פּרעזידענשאַל קאַמפּיין איז קלאָר געווען פאר אלעמען אז ענטוועדער מאַק־קינלי אָדער ברייאַן מוז עלעקטעט ווערען. עס האָט זיך געהאַנדעלט דעמאָלט אום אימפּעריאַליזמוס און מיליטאַריזמוס. איצטער הויבט מען שוין אָן צו פארשטעהען אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּרעסע אז דער מיליטאַריזמוס איז אַ געפאהר פאר די ארבייטער קלאַסע. ווען אלזאָ די סאָציאַליסטישע פּארטיי וואָלט פאר דריי יאָהרען ערקלערט דעם פאָלק אז די פאָלקס־אינטערעסען פערלאַנגען ברייאַן זאָל עלעקטעט ווערען, וואָלט דאָס געהייסען „פארשאַכערען" די וואוטס?

עהנליכעס איז פאָרגעקומען אין פראַנקרייך ביי דער לעצטער פּרעזידענטען־וואַהל, די וואַהל איז געווען צווישען לובע, קליינבירגערליכען קאַנדידאַט, און מעלינען, דעם קאַנדידאַט פון דער מיליטעריסטישער באַנדע. די סאָציאַליסטען האָבען געהאַט א פּאָר צענדליג שטימען אין דער וואַהלפערזאַמלונג*). זיי וואָלטען געקענט אויפשטעלען אן אייגענעם קאַנדידאַט; דאַדורך וואָלט די אַנטי־דרייפוסיסטישע קליקע עלעקטעט זייער פּרעזידענט. אָבער די סאָציאַליסטען פון אלע פראַקציאָנען, די אָרטאָדאָקסישע מארקיסיסטען (דיא געדיסטען) אויך, האָבען

---

*) אין פראַנקרייך ווערט דער פּרעזידענט עלעקטעט אין א פעראייניגטער פערזאַמלונג פון ביידע הייזער פון פּאַרלאַמענט.

געשטימט פאר לובע. וועט מען זאָגען, אז ווען די דעפּוטאַטען וואָס דיא סאָציאַליסטישע וואוטערס האָבען ערוועהלט, שטימען פאר אַ קאַפּיטאַליסטישען קאַנדידאַט, איז עס אָל־רייט; ווען אָבער זיי לאָזען די וואוטערס אליין שטימען פאר דעמזעלביגען קאַנדידאַט, וועלען די וואוטערס דערפאר זיי פעראכטען? עפּעס מאָדנע מענשען מוזען זיין די וואוטערס. נאַטירליך, ווען פיוזשאָן ווערט ערקלערט פאר אַ „פעררעאטהה" געגען דעם סאָציאַליזמוס, וועלען אַ טייל פון די וואוטערס פערדאמען די פּארטיי וועלכע וועט מאכען אַזאַ שריט. אָבער ווען די פּארטיי זאָל ענדערען איהרע טאַקטיק אין דעם פונקט, וועלען די סאָציאַליסטישע שטימגעבער אָננעהמען די נייע וואהל טאַקטיק, ווי זיי האָבען אָנגענומען די נייע האַלטונג צו די יוניאָנס. גאָר ניט לאַנג צוריק האָבען די מעמבערס פון דער ס. ל. פּ. ניט געטאָרט זיין קיין בעאַמטע פון זייערע יוניאָנס און היינט איז טהאָמאס היקי, אַ געוועזענער טהעטיגער מיטגליעד פון דער סאָשאַליסט טרייד ענד לייבאָר אליינס, אַ סטייט אָרגאַניזער פאר די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וועלכע שטעלט ארויס אויף איהרע טיקעטס יוניאָן בעאמטע. דיא פּארטיי האָט געביטען איהר טאַקטיק אין איין פונקט, גראַדע אַזוי גוט מעג זי בייטען אַנאַנדער פונקט. פאר וואָס זאָלען די וואוטערס איהר ניט פאָלגען?

אין 1896, ווען די פּאָפּוליסטישע פּארטיי האָט געמאַכט פיוזשאָן מיט די דעמאָקראַטען, זיינען געוועזן אונקאָמפּראָמיסליכע פּאָפּוליסטען וואָס האָבען פערדאמט דעם שריט. וואָס האָבען די וואוטערס געזאָגט? אין 1894 האָבען די פּאָפּוליסטען 1,300,000 שטימען, אין 1896 האָבען געשטימט פאר דעם פּאָפּוליסטישען קאַנדידאַט פאר וויס־פּרעזידענט אַן ערך פון 130,000, דאָס הייסט 90 פּראָצענט פון די וואוטערס האָבען גוטגעהייסען די פיוזשאָן, און עס האָבען זיך נאָר געפונען 10 פּראָצענט, וואָס זיינען געוועזן דאַגעגען.

דאָס ווייזט, אַז די פּאָפּוליסטישע וואוטערס זיינען געוועזן איינפערשטאַנדען מיט דער פּאָפּוליסטישער פּארטיי אָרגאַניזאַציאָן, אַז אַ וואהלקאָמפּראָמיס מיט דער דעמאָקראַטישער פּארטיי וועט זיין ניצליך פאר די צוועקען פון פּאָפּוליזמוס, און זיי זיינען געוועזן צופרידען צו „בלייבען פאַרשאַכערט".

פייגענבאַום מיינט, אַז מיט די סאָציאַליסטישע וואוטערס וואָלט עס ניט געגאַנגען, — פארוואָס? ווייל זיי ווענדען זיך צו דער סאָציאַליסטישער פּארטיי „אויס פעראכטונג צו די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען", און זיי פעראכטען אַזוי יעדען קאָמפּראָמיס „מיט דיזע פּאַרטייען", אַז „מיר וועלען גאָר ניט ניט קענען ליפערן דיא סחורה, וואָס מיר וועלען ביי דעם קאָמפּראָמיס פארשאַכערן, און מיר וועלען אַלעס פאַרלירען".

אָבער לאָמיר לאָזען נביאות אָן אַ זייט. לאָמיר בעסער ריידען פון דעם וואָס איז שוין געווען. דיא סאָציאַליסטישע פּארטיי האָט ביז איצטער ווייניג געלעגענהייט געהאט צו מאכען פיוזשאָן; אָבער עס זיינען פאַראַן אַנדערע בעוועגונגען, וועלכע זיינען ענטשטאַנען נאָר אויס פעראכטונג צו דער רעפּובליקאַנער און דער דעמאָקראַטישער פּארטיי און וועלכע אגיטירען אויסשליסליך פאר אַן „עהרליכע רעגירונג". און דאָך זעהען מיר, אַז ווען די רעפאָרמערס מאכען פיוזשאָן מיט איינער פון יענע פּארטייען, פאַרלירען זיי ניט די וואוטערס. די סיטיזענס יוניאָן אין ניו יאָרק איז געוועזען אינדעפּענדענט אין 1897 און האָט געמאַכט פיוזשאָן מיט די רעפּובליקאַנער אין 1901. אין 1897 איז לאָו, דער סיטיזענס קאַנדידאַט, געשלאָגען געוואָרען; אין 1901 איז ער ערוועהלט געוואָרען. איז די סיטיזענס יוניאָן געוועזן אים שטאַנדע צו „ליפערן דיא סחורה"? אָט איז דער רעכענונג. אין 1897 האָבען דיא דעמאָקראַטען בעקומען 234,000 וואוטס פאר מייאָר, די סיטיזענס יוניאָן 151,500, און די רעפּובליקאַנער 102,000, אַלזאָ האָבען דיא סיטיזענס מיט דיא רעפּובליקאַנער צוזאַמען געהאַט כמעט מיט 20,000 וואוטס מעהרער פאר דיא דעמאָקראַטען. אין 1901, ווען זיי האָבען זיך פאַראייניגט, האָבען זיי געקראָגען 297,000 וואוטס, דאָס הייסט מיט 43,000 וואוטס מעהר, וויא מיט 4 יאָהר צוריק, וועהרענד טעמעני האָל האָט געקראָגען נאָר מיט 31,000 וואוטס מעהר. דיא רעפּובליקאַנער האָבען ניט וואָס צו מאָהנען פון דיא סיטיזענס אַז זיי האָבען ניט אָפּגעליפערט דעם וואוט.

בעזאָנדערס אינטערעסאַנט איז צו בעטראַכטען דעם וואוט פאר מייאָר אין ברוקלין. אין 1895 האָט דער דעמאָקראַטישער קאַנדידאַט גראַוט בעקומען 75,000 וואוטס, דער רעפּובליקאַנער 77,000, און דער דעמאָקראַטישער רעפאָרמער שעפּארד 9,500. אין 1897 האָט טאַמאַני האָל געקראָגען נאָר מיט עטליכע הונדערט שטימען

מעהר, דער רעפובליקאנער האט אנגעווארען 40,000 שטימען, סעט לאו האט בעקומען 66,000 שטימען און הענרי דזשארדזש, פון דער דזשע־פערסאניאן דעמאקראסי, 7,000. עס איז קלאר, אז לאו'ס וואוט איז געקומען פון רעפובליקאנער וואס האבען זיך אפגעקערט פון דער רעפובליקא־נער פארטיי און פון אזעלכע וואוטערס וואס זיי־נען געזעסען אין דערהיים מיט צוויי יאהר פריהער. אין 1901, ווען דיא סיטיזענס יוניאן האט געמאכט פיוזשאן מיט דיא רעפובליקאנער, האבען דיא וואוטערס זיך פון זיי ניט אפגעקערט, אין געגענטייל, סעט לאו האט געקראגען דעם גאנצען סיטיזענס יוניאן וואוט, דעם גאנצען רע־פובליקאנער וואוט, דיא 7,000 וואוטס פון דער דזשעפערסאניאן דעמאקראסי, וועלכע האט יעצט אינדאסירט לאו, און נאך 4,000 נייע וואוטס, און שעפארד האט געקראגען דעם דעמאקראטישען וואוט פון פאר צוויי יאהרען מיט נאך 12,000 שטימען. פון דיא וואוטערס, וואס האבען גע־שטימט פאר סעט לאו אין 1897, זיינען געווען מעהר וויא 20,000 אזעלכע וואס האבען פריהער ניט געשטימט ניט פאר דיא דעמאקראטען, ניט פאר דיא רעפובליקאנער. דיזע אונאבהענגיגע וואוטערס זיינען אלע „געבליבען פארשאכערט“ פון דער סיטיזענס יוניאן צו דיא רעפובליקאנער אין 1901. פארוואס? מן הסתם איז ביי זיי אויס־געקומען, אז עס איז גלייכער צו עלעקטען עט־ליכע רעפובליקאנער פאליטישענס צוזאמען מיט סעט לאו, איידער אלע טאמאני־האלניקעס אהן סעט לאו.

עס זיינען פאראן היינט אין דער סאציאלי־סטישער פארטיי א סך אונקאמפראמיסליכע מעמבערס וואס זיינען א מאל געווען אונקאמ־פראמיסליכע פאפוליסטען. זייער ליבלינגס־אר־גומענט געגען פיוזשאן איז די ביטערע מפלה פון דער פאפוליסטישער פארטיי, וועלכע איז צו גרונדע געגאנגען דורך פיוזשאן. דאס איז אבער זעהר אן אבערפלעכליכער ארגומענט. זיי פאר־געסען ערסטענס, אז אלע וויכטיגע פראקטישע פאדערונגען פון דער אמאהא פלאטפארם פון דיא פאפוליסטען געפינט איהר היינט אין דער פלאטפארם פון דער דעמאקראטישער פארטיי. דער פאפוליסטישער וואוטער, וועלכער איז אליין קיין פאליטישען ניט, קערט ניט ווער וועט עלעקטעט ווערען אויף יענער פלאטפארם, א דע־מאקראטישער צו א פאפוליסטישער פאליטישען, און אגב האט ער א טשאנס צו וואוטען פאר זיין געליבטען פאפוליסטישען פאליטישען אויף'ן דע־מאקראטישען טיקעט. דיא פאפוליסטישע אר־גאניזאציאן איז פארשוואונדען, אבער אויף וואס דארף מען זי היינט, ווען א שטארקערע פארטיי, די דעמאקראטישע, האט זיך אונטערגענומען אויסצופיהרען דעמזעלביגען צוועק?

נאטירליך, דיא סאציאליסטיש געזאנענע פאפוליסטען, וועלכע האבען בעלאנגט צו דער פאפוליסטישער פארטיי ניט צוליב פרייזילבער, נאר טראץ פרייזילבער, וועלכע האבען בענוצט דא פאפוליסטישע פארטיי אלס פעלד פאר סא־ציאליסטישע פראפאגאנדא — זיי האבען דיא פאפוליסטישע פארטיי פארלארען זינד דער פיוזשאן. אבער דיא פאפוליסטישע פארטיי איז דאך ניט געווען ארגאניזירט פאר דעם צוועק פון סאציאליסטישע פראפאגאנדא.

ווען מי נעהמט דיא זאך וויא דיא זילבער־לייט בעטראכטען זיא, האט זייער פאדערונג אין 1894 געהאט נאהענט פון אנדערהאלבען מיליאן וואוטס און אין 1896 האט זיא געקראגען זי־בעטהאלבען מיליאן. דיא מאגערע בהמה האט פארשלונגען דיא פעטע.

ווייטער דארפט איהר וויסען, אז א גרויסער טייל פון דיא פאפוליסטישע וואוטס איז געקו־מען פון דיא סויט און האט געשטאמט פון פריהערע רעפובליקאנער. אין ווירדזשיניא, דזשארדזשיא, אלאבאמא און טעקסאס האט דיא העכבטע צאהל פאפוליסטישע שטימען אויסגע־מאכט צוזאמען 440,000, דאס הייסט אונגעפעהר א דריטעל פון דעם פאפוליסטישען וואוט פון גאנצען לאנד. דיא רעפובליקאנער אין יענע סטייטס זיינען גרעסטענטהיילס ניגערס און פון זיי זיינען אויך געקומען דיא פאפוליסטישע וואוטס. ווען אבער דיא פאפוליסטישע פארטיי האט זיך פעראייניגט מיט זייערע דם־שונאים, די דעמאקראטען, זיינען זיי געגאנגען צוריק צו דער רעפובליקאנער פארטיי, אדער האבען גאר ניט געשטימט. א ניגער זאל וואוטען פאר א דעמא־קראט, איז פונקט דיזעלבע זאך ווי א איד זאל שטימען צו מאכען קרושעוואנען פאר א גא־ראדסקאי גאלאווא אין קישינעוו. און דערפאר זיינען דיא דעלעגאטען פון דיא סויט אין דער פאפוליסטישער קאנווענשאן פון 1896 שטארק געווען געגען פיוזשאן. דיא דעלעגאטען פון טעק־סאס האבען אפילו פארלאזען דיא קאנווענשאן.

אין דיזעלביגע סטייטס אבער האט דיא פא־פוליסטישע פארטיי געמאכט פיוזשאן מיט דיא

רעפובליקאנער, און דיא וואוטערס האָבען מיט איהר יע מיטגעפיוזט.

דיא אונקאָמפּראָמיסליכע סאָציאליסטען האָבען א טעות וועגען דעם אַמעריקאַנער אונאבהענגיגען וואוטער; קוקט זיך איין גוט אין דיא צאָהל שטימען וואָס איז אָבגעגעבען געוואָרען אין די עלעקשאָנס אין פארשיעדענע סטייטס, וועט איהר זעהען, אז עס געפינען זיך א גרויסע צאָהל וואוטערס, וואָס שטימען איין יאָהר פאר א דעמאָקראט, אנאנדער יאָהר פאר א רעפובליקאַנער, דאַן פאר א פּאָפּוליסטען, אָדער אן אונאַבהענגיגען קאַנדידאַט, אַ מאָל אפילו פאר א סאָציאליסט; יענע וואוטערס וואָס שטימען שטענדיג סטרייט פאר דיזעלביגע פאַרטיי, זיינען שטימפיה פון דער דעמאָקראטישער און דער רעפובליקאַנער פארטיי..

דער איינציגער ערנסטער ארגומענט געגען פיוזשאָן, וועלכען איך האָב געלעזען, איז געוועזען מיט א צייט צוריק אין אן ארטיקעל פון מיסטער פייגענבוים אין דעם „פאָרווערטס.“ קורץ גערעדט, מיינט ער אזוי, דער קאַמפּף פאר דעם סאָציאליזמוס איז א רעוואָלוציאָנערער קאַמפּף פון דער ארבייטער קלאַסע געגען דיא קאַפּיטאַליסטישע קלאַסע. עס איז דיא אויפגאַבע פון דיא סאָציאליסטען צו וועקען דעם קלאַסען בעוואוסטזיין פון דער ארבייטער קלאַסע, צו געבען איהר צו פערשטעהן, אז א שלום צווישען דיא קאַפּיטאַליסטען־קלאַסע און דיא ארבייטער קלאַסע איז אונמעגליך. יעדער קאָמפּראָמיס מיט קאַפּיטאַליסטישע פארטייען דאַנעגען שוואכט אָפּ ביי דיא ארבייטער דעם בעוואוסטזיין פון דעם געגענזאַץ צווישען דער קאַפּיטאַליסטען־קלאַסע און דער ארבייטער קלאַסע.

דאָס איז דער עיקר פון דער פראגע. אויב דער סאָציאליזמוס קען ניט אַנדערס קומען ווי דורך א רעוואָלוציאָן, וועלכע וועט שטירצען דיא קאַפּיטאַליסטישע רעגיערונגען און איבערגעבען דיא פּאָליטישע מאַכט אין דיא הענד פון דער סאָצאליסטישער פאַרטיי, און דיא סאָצאליסטישע פאַרטיי וועט זיך דעמאָלט נעהמען איינפיהרען דעם סאָציאליזמוס, דאַן איז פייגענבוים גערעכט. איך גלויב אָבער ניט אז דער סאָציאליזמוס וועט אויף אַזאַ אופן איינגעפיהרט ווערען. איך קען דאָ נאָר קורץ דערמאָנען וואָס איך האָב שוין וועגען דעם געשריעבען אין „דעזוקונפט“ און אין „פאָרווערטס“. ביי מיר קומט אויס אז דיא קאַפּיטאַליסטען־קלאַסע האָט אליין אן אינטערעס איינצופיהרען דעם שטאַאטס־קאַפּיטאַליזמוס (אָדער שטאַאטס־סאָציאליזמוס, דאָס איז אלץ איינס), אלס דעם איינציגען מיטעל צו פּראָטעקטען דיא מאַיאָריטעט פון דיא קאַפּיטאַליסטען געגען אויסבויטונג דורך טראָסט־מאַגנאַטען. פון דער אַנדערער זייט טוט דיא ארבייטער קלאַסע איהרע אייגענע ארבייט: פּאַמעלאַך בויט זיא אויף א קלאַסען־אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע האָט צום צוועק צו פארגרעסערען דעם ארבייטערס חלק אין דעם פּראָדוקט פון זיין ארבייט, צו פארקירצען דיא ארבייטס־צייט, צו צווינגען דיא קאַפּיטאַליסטישע קלאַסע, אָדער דעם שטאַאט אַלס באָס, אַנצוערקענען דיא ארבייטער־אָרגאַניזאַציאָן, און צו פערזיכערען דעם ארבייטער פּערזענליכע אונאבהענגיגקייט פון דעם ארבייטגעבער. אזוי וועט זיך שריט ביי שריט ענטוויקלען א געזעלשאַפט, אין וועלכער אלע וויכטיגע געשעפטען וועלען זיך געפינען אין דיא הענד פון דעם דעמאָקראַטישען שטאַאט, דער ארבייטער וועט בעקומען אלעס וואָס ער האָט פּראָדוצירט, אַחוץ דעם וואָס איז נויטיג פאר עפענטליכע צוועקען און א חוץ א בעשטימטען פּראָצענט אויף אויסצוצאָהלען דער קאַפּיטאַליסטען־קלאַסע; און דיא ארבייטער אין שאָפּ וועלען ניט האָבען איבער זיך קיין אנדערן באָס א חוץ זייערע אייגענע יוניאָן בעאַמטע, וועלכע וועלען דירעקט פערהאַנדלען מיט דעם מענעדזשמענט פון דעם שאָפּ. אויב דער סאָציאליזמוס וועט ניט קומען מיט איין קלאַפּ, נאָר ביסלאכווייס, האָט דאָך קיין זין ניט אָפּצולייגען דיא נויטיגע רעפאָרמעס ביז משיח׳ס צייטען: מי מוז נעהמען היינט וואָס מי קען קריעגען היינט.

דיא אמעריקאַנער סאָציאליסטישע פארטיי ערקלערט זיך אין איהר נאַציאָנאלער פּלאַטפאָרם דאַפיר, אז דער כלל זאָל נעהמען אין זיינע הענד אָזעלכע געשעפטען ווי אייזענבאַהנען, קוילען־גרובען, טעלעגראַפען און זאָ ווייטער. אָבער צו דערזעלבער צייט וואָרנט זי געגען אלע בעוועגונגען פון יענע פאָדערונג, ווען זיי ווערן ניט אָנגעפיהרט פון דער סאָציאליסטישער פארטיי, וואָס טוט מען אָבער ווען דיא קאַפּיטאַליסטישע רעפאָרמערס שטעלען אויף דיא פאָדערונג אז דער שטאַאט זאָל איבערנעהמען דיא קוילען־גרובען? בלייבען נייטראַל קען מען ניט, ווארים יעדער וואוט וואָס איז ניט

אָבגעגעבען דאפיר, העלפט דיא געגנער פון דער פאָדערונג. אלזאָ, זאָל מען שטימען דאפיר אָדער דאגעגען?

מיט א פּאר יאָהר צוריק איז געגאַנגען א דעבאַטע אין דייטשלאַנד פונקט איבער דיעזעלבע פראגע. בעבעל איז געווען דאפיר, קאוטסקי געגען. ווען דער היינטיגער שטאַאט זאָל איבערנעהמען דיא קוילען־גרובען, איז דאָס א וויכטיגער שריט אין דעם אויפבוי פון דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט, און פאר דיא מיינערס איז אויך בעסער צו האָבען דעם שטאַאט אלס באָס, איידער דעם פּריוואטקאפּיטאליסט. ווען דיא מיינערס שטעהען געגענאיבער דעם שטאַאט אלס זייער באָס, ווערט דיא פראגע פון וויידזשעס, שטונדען, אנערקענונג דער יוניאָן, א פּאָליטישע פראגע, און אלס וואוטערס האָבען אויך עפּעס וואָס צו זאָגען אין דעם. דורכצופיהרען אזא רעפאָרם איז א וויכטיגער שריט אין דער ענטוויקלונג פון סאָציאליזמוס, אפילו ווען דער שריט זאָל געמאכט ווערען פון דער דעמאָקראטישער אָדער דער רעפּובליקאנער פּארטיי.

דיא אָפּשאפונג פון „רעגיערונג דורך אינדזשאָנקשאָן“, איז א וויכטיגער שריט אין דער בעפרייאונג פון דער ארבייטערקלאסע, אפילו ווען דיא דעמאָקראטישע פּארטיי זאָל עס דורכפיהרען.

מי זאָגט אז דאדורך ווערט אָפּגעשוואכט דיא סאָציאליסטישע פּארטיי. נו, איז וואָס? ווען מי ריכט זיך ניט אויף א „רעוואָלוציאָן“, דאַרף מען ניט קיין „דיסציפלינירטע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציאָן.“ יעדע פּארטיי־אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע דערלאָזט ניט דיא ארבייטער צו פאַרבינדען זיך מיט אירגענד א פּארטיי אָדער א געזעלשאפטסקלאסע, ווען דאדורך קען אויסגעפיהרט ווערען אַן ארבייטערפאָדערונג, — איז א שטערענים אין דער ארבייטער־בעוועגונג.

(שלום פאָלגט.)

יצחק אייזיק בן אריה צבי.

# דער קרבן.

(א סקיצע)

איהר איז דער שידך ניט געווען געפעלען.

ער איז געווען א מאַן פון א עטליכע און דרייסיג יאָהר, א בלאָנדער יוד מיט א בלאסען פּנים, מיט אַן איינגעפאַלענע ברוסט, א הויכער, א דארער, מיט שמאָלע איינגעבויגענע פּלייצעס. זיא איז געווען אלט א יאָהר אכצעהן, א ברונעטקע מיט געזונטע רויטע באקען, א שלאַנקע פיגור מיט שעהנע ענטווייקעלטע פאָרמען. ער איז געווען שטענדיג שטיל, מעלאנכאָליש. זיא איז געווען לוסטיג, פריילאך, מונטער. זיין שטימע איז געווען טרוקען און הייזעריג. אז ער פלעגט ריידען פלעגט ער מאכען אויפ'ן צוהערער א קרענקליכען איינדרוק. איהר שטימע האָט געקלונגען וויא א זילבערנער גלעקעלע. איהרע טיפע אלטא־טענער האָבען געגלעט אזוי וויא זיידענער סאַמעט. איהרע אויגען האָבען נאָר אָפּגעשפּיגעלט דיא אויסערע וועלט, פון זיינע צוויי גרויסע סאַרע אויגען האָט ארויסגעקוקט א אינגערע וועלט. זיינע גוטע פערטראכטע אויגען האָבען געצויגען צו זיך, געבעטען און עטוואָס זעהר טרויריגעס ערציילט. זיינע אויגען האָבען געוועקט איהרע געפיהלע פון סימפּאטהיע. דערצו איז ער געווען א שטילער עהרליכער מענש מיט איין אָרענטליכען כאראקטער. ער האָט געהאַט א שטענדיגע שטעלע

אלס א דעזיינער, האָט זעהר שעהן פערדיענט און איז געווען פון זיין באָס געאַכטעט און גע־ליעבט. דער עיקר ער איז געווען געפעלען איהר מוטער, ווייל ער האָט געהאַט אין באנק איבער צוועלף הונדערט דאָלאַר. דיא מוטער און אלע איהרע קרובים האָבען לאַנג מיט איהר גע־טענה'ט און ווייל זיא אליין איז ניט זעהר שטאַרק געוועזן דאגעגען, האָט מען ענדליך אין א גוטע מזל'דיגע שעה געמאכט תנאים.

ביז דער חתונה האָט ער זיך בעזעצט ביי זיי אלס א באָאַרדער.

דאָס יונגע אונערפאהרענע מערכען איז גע־ווען ערשטוינט, ווען זיא האָט ערפאהרען, דאָס אין דער איינגעפאלענער ברוסט פון דיזען שטי־לען מענ'שען שטורמט א ווילדע ליידענשאפט. זיינע הענד האָבען געבריהט מיט א פיבערישען פייער, זיינע אויגען האָבען אין איהר געגענווארט געברענט און געגליהט. זיין אָטהעם איז געווען וויא א הייסער שטראָם. זיא פלעגט שטענדיג זעהען פערמיידען, ער זאָל זיא ניט קושען. ער פלעגט איהר דאן אויסווייזען וויא א וואהנזיני־גער. ווען ער פלעגט זיך פערהוסטען מיט א טרו־קענעם הייזעריגען הוסט, פלעגט זיך איהר אויס־ווייזען. אז פון זיין מויל געהט א גערוך אזוי וויא פון עטוואָס פערפוילטעס.

דער חודש נאָוועמבער איז געקומען מיט דונ־קעלע טעג, רעגענס און טומאנען. יעדע נאכט פלעגט זיא פון איהר מוטערס בעדרום הערען זיין הוסטען. דיא מוטער פלעגט שלאָפען און זיא פלעגט זיך אויפמערקזאם צוהערען און דענקען. זיין לאנגער הוסטען פלעגט וועקען אין איהר צוויי פערשידענע געפיהלע: א געפיהל פון מיט־לייד, פון אמת'ן רחמנות, און א געפיהל פון עקעל. א שוידער פלעגט אריבערגעהן איבער אלע איהרע גלידער, ווען זיא פלעגט דענקען, אז זיא וועט אמאָל דארפען בלייבען מיט דעם מענ־שען.. אליין.

ער האָט געפיהלט שלעכט און מע האָט געשיקט נאָך א דאָקטאָר... דער דאָקטאָר האָט געצוקט מיט דיא פלייצעס, האָט זיך נאָכגע־פרעגט, וועד ער איז, און פאר'ן אוועקגעהן האָט זיא געהערט, וויא ער האָט געזאָגט צו איהר מוטער: איך צווייפעל ניט, נאָר מיר וועלען זעהען, וואָס דיא מיקראָסקאָפּישע אונטערזוכונג וועט זאָגען, אין יעדען פאַל, זאָג איך אייך, עס וועט זיין דער גרעסטער אונזין, איין פערברעכען צו פעראייניגען מיט איהם אזא יונגע, בליהענדע, געזונטע מיידעל...

ער האָט געהאַט שווינדזוכט. איהר מוטער און איהרע קרובים, וועלכע האָבען פריהער אזוי געוואָלט דעם שידוך, האָבען לאנג ניט געוואָלט גלויבען אז דיעזע קרענק איז אנשטעקיג, ווען אָבער דער דאָקטאָר, דיא שכנים און פיעלע בע־קאַנטע האָבען זיי זעהער אָנגעשראָקען, האָט מען בעשלאָסען אָפּלאָזען דעם שידוך און מע האָט איהר געראטהען, זיא זאָל מיט איהם דערפון רע־דען. עטליכע מאָל האָט זיא געוואָלט מיט איהם וועגען זיין קראנקהייט רעדען אָבער זיינע ליע־בענדע בליקען און ליידענדעס געזיכט פלעגט איהר פערשליסען דיא ליפּען. ער האָט זיך גע־קליבען פאָהרען קיין דענווער, אָבער ניט אליין, מיט איהר... וויא אזוי וועט ער זיא קענען פערלאָ־זען? וויא וועט איהם מעגליך זיין צו לעבען דאָרט אָהן איהר? זיי וועלען דאָ פריהער חתונה האָבען און פאָהרען צוזאמען. דאָרט וועט ער גיך געזונט ווערען און מאכען זיך עפּעס א געשעפט און זיי וועלען לעבען וויא צוויי גליקליכע טייבעלאך.

מיט א ביטער הארץ איז זיא געגאנגען צום דאָקטאָר פרעגען אן עצה. דער דאָקטאָר האָט איהר געזאָגט, אז דעם קראנקען איז ניט פיעל געבליעבען צו לעבען, דאָס זיין קראנקהייט געהט זעהר ראש... און דאָס זיא טאָר ניט דענקען פון איהם, ווארום דאָס וועט זיין מאָרד און זעלבסט־מאָרד. מאָרד, ווארום אזעלכע קראנקע זיינען צו ליידענשאפטליך און פערקירצען זיך אליין דיא איבעריגע טעג פון זייער לעבען, זעלבסט מאָרד, ווארום זיא וועט געוויס קריעגען דעם זעלבען חולאת און וועט שטארבען אין איהרע יונגע יאָה־רען. זיא איז געקומען פון דאָקטאָר זעהר צוטראָ־גען... דיעזע נאכט האָט זיא ניט געשלאָפען. פון א זאָרגלאָזע פרייליכע יונגע מיידעל איז זיא פּלוצלונג געוואָרען א ליידענדע פרוי. איהר פרייד און רוהע זיינען אומזיסט פערלאָרען געגאנגען און אנשטאט זיי זיינען געקומען צרות און טרערען.

זאָגען איהם, אז זיא לאָזט אָב דעם שידוך, האָט זיא ניט געקענט—זיא האָט אויף איהם צו־פיעל רחמנות געהאט. זיא האָט איהם קוים איינ־גערעדט, ער זאָל דערווייל, נאָר דערווייל פאָה־רען אליין און זיא וועט קומען, וויא באלד ער וועט זיך נאָר בעסער פיהלען. מיט גליהענדע קו־שען האָט ער געבריהט איהרע באקען פארן פאָה־רען און פון זיינע גרויסע מעלאנכאלישע אויגען זיינען געפאלען צוויי טרערען אויף איהרע קאלטע

הענד. זיא האָט שטארק פערדריקט איהרע ליפּען, האָט איינגעהאַלטען איהר אָטהעם און האָט איהם געגעבּען איהר אָבשיידס קוש.

— זיי געזונד, טייערע, האָט ער געשריען מיט זיין הייזעריגע שטימע שטעהענדיג שוין אויף דער פּלאטפאָרם פון'ם וואגאן, — זיי געזונד! איך האָף מיר וועלען זעהער גיך זיין צוזאַמען...

דיא מוטער און אלע פריינדע האָבּען געטראכט: דו פאָהר נאָר אוועק און דאָרטען וועסט דו שוין מעגען ווארטען. זי איז געשטאַנען איהר קאָפּ אראָפּגעלאָזען און איהרע אויגען פערוויינט.. דיא גלאָק פון לאָקאָמאָטיוו האָט אָנגעהויבּען קלינגען, דיא רעדער פון דיא וואגאָנען האָבּען זיך אָנגעהויבּען בּעוועגען. זיין בּלאסעס געזיכט האָט זיך בּעוויזען אין פּענסטער — זיא האָט איהם ניט געזעהען, איהרע אויגען זיינען געווען פולל מיט טרערען. אַ בּיטערער שמערצליכער געדאַנק האָט פערקלעמט איהר יונגעס הארץ: קען דאָס זיין, אז מיר זעהען זיך צום לעצטען מאָל? צום לעצטען מאָל?

זיין אוועג־פאָהרען האָט איהר ניט געבּראכט קיין רוהע. דיא ערשטע טעג האָט זיא געדענקט דערפון, וויא אזוי דיעזער עלענדער מעניש פאָהרט יעצט איינער אליין איבּער דיא ווייטע וועגען פון אמעריקא, אליין, א קראנקער, אַ שוואכער, א הילפלאָזער. נאָכדעם האָט זיא מיט אונגעדולד אָנגעהויבּען צו ערווארטען פון איהם אַ בּריעף. איז ער געקומען בּשלום אהין? פיהלט ער יעצט בּעסער? ענדליך איז געקומען דאָס לאַנג ערווארטעטע בּריעף. ווען זיא האָט עס געעפענט, האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז זיא הערט זיין הויך, זיין אָטהעם און דעם ריח פון עטוואָס פערפוילטעס... אויף איין אויגענבּליק האָט עס ערוועקט אין איהר אַ געפיהל פון עקעל און דאַן האָט זיא אַנגעהויבּען מיט פרייד לעזען, וואָס ער שרייבּט איהר, זיין בּריעף איז געווען א ליידענשאפטליכער געשריי, וואָס האָט זיך אויסגעריסען פון אַ גליהענדעס הארץ. ער האָט גערופען זיין געליעבּטע צו זיך.

ניט דיא טרערען פון איהר מוטער, ניט דיא ארגומענטען פון איהרע פריינדע, ניט דיא זיפצען פון איהר קאָזען מאַקס, צו וועלכען זיא אליין איז אַ מאָל געווען ניט אין גאַנצען גלייכגילטיג, ניט דיא טענות פון בּעקאַנטע, ניט דער שטרענגער פערבּאָט פון'ם דאָקטאָר האָבּען זיא געקענט צוריק האַלטען. זיא האָט בּעשלאָסען פאָהרען צו איהם, צום אונגליקליכען און ליידענדען. א פרוי האָט ערוואכט אין איהר! א פרוי וועלכע האָט געהאַט נאָר איין געדאַנק, איין פערלאַנג, איין שטרעבּונג — אָפּפערן זיך, איהר לעבּען, איהר געזונד א י ה ם... דיא טריין, וויא זיא האָט געמיינט, לויפט צו לאַנגזאם, זי האָט מורא געהאַט זיא וועט פערשפּעטיגען... זיא וועט ניט קומען פריה גענוג צו קענען שטאַרבּען פאר איהם און צוליעבּ איהם...

מיט א פייערדיגע ליידענשאפט האָט זיא זיך אריינגעזויגען אין זיינע ליפּען, ווען זיי האָבּען זיך ענדליך צוזאמענגעטראָפען. אזוי ווי א דורסטיגע האָט זיא געטרונקען דעם הויך פון זיין אָטהעם און ער האָט וויא אַ וואהנזיניגער שכור געטרונקען פון דעם בּעכער פון ליעבּע. מיט א געפיהל פון פערדרוס האָט געקוקט אויף דעם פּאָרעל דער רבּי, וועלכער האָט זיי געגעבּען חופּה וקדושין... מיט א געפיהל פון מיטלייד האָבּען אויף איהר געקוקט אלע זיינע נייע בּעקאַנטע. זיי האָבּען גאָר נישט געזעהען — זיי זיינען בּיידע געווען בּעזויפען פין זייער קרענקליכען אונגאַטירליכען גליק. מיט יעדען טאָג איז געוואקסען איהר שקלאַפישע איבּערגעבּענהייט, און איהר פערלאַנג צו בּרענגען נייע אָפּפערן, צו ליידען פאר איהם און צו ערפילען זיין ווילען.

ער איז געשטאַנען אויפ'ן שוועל פון קבר... און דאָך ניט ער, זיא, דיא יונגע, געזונטע, בּליהענדע פרוי... זיא האָט פריהער פון איהם אריבּער־געטראָטען איבּער דיעזען שרעקליכען שוועל... זיין שרעקליכער חולאת האָט זיא גיכער געטויטעט וויא איהם אליין. דיא יונגע פרוי ליעגט שוין אויף'ן יודישען בּית עולם און ער לעבּט נאָך... זיינע בּאקען זיינען נאָך מעהר איינגעצויגען געוואָרען, זיין בּרוסט נאָך מעהר איינגעפאַלען, זיין פּנים איז אַ טויטע מאסקע, נאָר זיינע אויגען לעבּען נאָך, זיי זיינען נאָך גרעסער געוואָרען און נאָך מעלאנכאָלישער געוואָרען. זיי זעהען דיא קלאָרע בּלאָע הימלען, זעהען דאָס לעבּען ארום זיך און ווענדען זיך אהין אויפ'ן יודישען בּית עולם וואו זיא, דער יונגער קרבּן, ליעגט אונטער א בּערגעלע מיט פרישע ערד. פון דיעזע מעלאנכאָלישע פערטראכטע אויגען פליסען אָפט גרויסע ריינע טרערען און זיינע בּלאַסע פערבּאקטע ליפּען רופען זיא אומזיסט — זיא וועט שוין קיין מאָל ניט קומען....

יעקב גאָרדין.

# ווערטה טהעאָריען.

דאָס איז דער ווערטה פון א זאך? ווארום איז איין זאך ווערטה מעהר פון אַנאַנדערער און וויא אזוי ווייסט מען וויעפיעל מעהר איינע איז ווערט פון דער אַנדערער? איהר געהט ארויס אין מארק און קויפט אַ פּאָר שיך פאר 2 דאָלאר און א ראָק פאר צעהן דאָלאר. דער ראָק איז אַלזאָ אין אייערע אויגען ווערטה פינף מאָל אזויפיעל וויא דיא פּאָר שיך. פרעגט זיך, פארוואָס? ווארום דענקט איהר אז דער ראָק איז ווערטה מעהר ווי די שיך, און מיט וואָס פאר א מאָס געברויכט איהר צו וויסען, אז ער איז ווערט פונקט פינף מאָל אזוי פיעל? ווארום וואָלט איהר אויסבייטען פינף פּאָר שיך אויף דעם איין ראָק?

אָדער, איהר קויפט א פּאָר שיך פאר צוויי דאָלאר און אַ העט פאר צוויי דאָלאר. פרעגט זיך: וויא אזוי ווייסט איהר אז דיא שיך און דיא העט האָבען דעמזעלבען ווערטה? זיי זיינען געמאכט פון פערשיעדענע שטאָפען, און ווערען געברויכט אויף בעזונדערע אופנים, טאָ וואָס איז דער צד השוה שבהם וואָס מאכט זיי ביידע ווערט זיין צו צוויי דאָלאר? וואָס און מיט וואָס האָט איהר אין זיי געמאָסטען איידער איהר זיינט געקומען צום שלוס, אז זיי זיינען ווערטה צו צוויי דאָלאר, און וואָס האָט אייך געפיהרט צו דיזען שלוס?

איהר וועט אודאי ענטפערן דאָס איהר האָט גאָר ניט געמאָסטען און ניט געשאצט. איהר האָט בעצאָהלט פאר דיא שיך צוויי דאָלאַר, פאר דער העט צוויי דאָלאר און פארן ראָק צעהן דאָלאר, ווייל אלע צאָהלען דיזע פרייזען. ווארום אָבער צאָלען אלע דיזע פרייזען? ווארום דענקען אלע, אז דיא שיך זיינען ווערט צוויי דאָלאר, דיא העט צוויי דאָלאר, און דער ראָק צעהן דאָלאר? דיא בעאנטוואָרטונג פון דיזע פראגען וועגען דעם ווערטה פון סחורה איז דער גרונדשטיין פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאפט.

עס איז געווען א צייט, ווען מען האָט זיך איבער אזעלכע פראגען ניט געדרעהט דעם מוח. אמאָליגע צייטען, ווען יעדער האָט געלעבט הויפּטזעכליך פון דעם, וואָס ער האָט אליין געשאפען ביי זיך אין הויז, אָדער ביי זיך אויפ'ן הויף, מיט זיינע אייגענע הענט אָדער מיט דיא הענט פון דיא, וואָס זיינען געווען זיינע אייגענע, ווען מען האָט איבערהויפּט זעהר ווייניג געהאנדעלט, האָט מען זיך איבער אזעלכע זאכען ניט בעדארפט ברעכען דיא קעפּ. ווען מענשען פּראָדוצירען הויפּטזעכליך פאר דעם אייגענעם געברויך און פארקייפען בלויז דאָס, וואָס עס בלייבט ביי זיי איבער, איז דער ווערטה פון א זאך, דאָס הייסט דאָס, וואָס מען קען פאר איהר קריגען אויפ'ן מארק, בלויז א צופאל־זאך. עס ווערט ניט רעגולירט דורך קיינע נאטירליכע געזעצע, און קען דארום נאטירליך וויסענשאפטליך ניט אונטערזוכט ווערען.

דער רוימישער געלעהרטער סענעקא זאָגט דארום מיט רעכט: „דער פּרייז פון אירגענד וועלכע זאך איז א צייטווייזער צופאל; וויפיעל דו זאָלסט דיינע וואארען ניט לויבען, זיינען זיי בלויז ווערט דאָס, וואָס מען קען פאר זיי קריגען“. עס איז דארום גאנץ נאטירליך, דאָס אזוי לאנג, וויא עס האָבען געהערשט אזעלכע עקאָנאָמישע צייטענדע, האָבען זיך די געלעהרטע זעהר ווייניג בעשעפטיגט מיט דער פראגע וועגען דעם אין וואָס בעשטעהט דער ווערטה פון זאכען און וויא אזוי מען מעסט איהם. ווען דיא געזעלשאפטליכע פּראָדוקציאָן איז אָבער געוואָרען קאפּיטאליסטיש, דאָס הייסט, ווען מענשען האָבען אָנגעהויבען צו פּראָדוצירען הויפּטזעכליך פאר'ן מארק, ווען זיי זיינען געוואָרען פּראָדוצענטען פון וואארען, איז דיא פראגע פון דער נאטור, אורזאכען און געזעצע, פון דעם ווערטה פון סחורות געוואָרען זעהר וויכטיג. מיר זעהען דארום, דאָס שוין ארום זעכצעהנטען יאהרהונדערט הויבען זיך דיא געלעהרטע אָן צו בעשעפטיגען מיט דיזער פראגע און זיי אינטערעסי־

רען זיך מיט דער פראגע אליין מעהר און מעהר, ביז ענדליך צום ענדע פון'ם נייןצעהנטען יאהר־הונדערט איז דיא פראגע פון דער נאטור פון ווארענווערטה מעהר און הייסער דיסקוטירט געוואָרען, וויא דיא פראגען צו דיא וועלט איז א קדמון, השארת הנפש, בחינה און ברירה און אלע אנדערע פילאָזאָפישע פראגען צוזאמענגענומען.

דיא ערקלערונגען, וועלכע דיא עקאָנאָמישע געלעהרטע גיבען איבער דער נאטור פון דעם ווערטה פון סחורות, דיא אורזאכען ווארום זיי האָבען ווערטה און וויא אזוי דיזער ווערטה קען און דארף געמאָסטען ווערען, קענען איינגע־טהיילט ווערען אין דריי גרופפען: דיא טהעאָריע פון אָנגעבאָט און נאכפראגע (Theory of supply and demand)· די פראָדוקציאָנס־קאָסטען־טהעאָריע (Theory of cost of production) און די אר־בייטס־ווערטה־טהעאָריע (labor theory of value).

מיר וועלען בעהאנדלען דיזע טהאָריען כסדר.

1. דיא טהעאָריע פון אָנגעבאָט און נאכפראגע.

נאָך דיזער טהעאָריע הענגט דער ווערטה פון וואארען ניט אָפּ פון אירגענד וועלכער אייגענ־שאפט, וואָס זיי בעזיצען אָדער פון אירגענד וועלכען עלעמענט פון זייער פראָדוקציאָן, זאָנ־דערן פון דעם צושטאנד פון דער אָנגעבאָט פון א געוויסע וואארע אויף א געוויסען מארק און דער נאכפראגע נאָך דיזער וואארע אויף דיזען מארק. ווען עס איז דאָ א סך פון דער וואארע אויפ'ן מארק און וועניג קויפער, דאן איז יעדער שטיק פון דער וואארע ווערטה וועניג, און ווען עס איז דאָ וועניג פון דער וואארע און א סך בעלנים, איז יעדער שטיק וואארע ווערטה מעהר. וואָס מעהר וואארע עס איז דאָ פאר דיא זעלבע קויפער, דעסטאָ וועניגער איז יעדער בעזונדע־רער שטיק וואארע ווערטה; און וואָס מעהר קוי־פער עס זיינען פאראן פאר דיא זעלבע וואארען, דעסטאָ מעהר איז יעדער שטיק וואארע ווערטה. דאָס איז אייגענטליך דיא אלטע טהעאָריע פון סענעקא, דאָס א וואארע איז וורטה אזוי פיעל, וויפיעל מען קריגט פאר איהר. ניט מעהר דיזע טהעאָריע געהט א ביסעל ווייטער אין דיא איינ־צעלהייטען און ערקלעהרט אונז, ווען מען קען פאר א וואארען קריגען מעהר און ווען וועניגער. פונקט וויא סענעקא אנערקענט דיזע טהעאָריע, דאָס וואארען האָבען אייגענטליך ניט קיין ווערט, נאָך וועלכען איינע בייט זיך אויף דער אנדערע, און דאָס דיא מאָס אָדער פראָפּאָרציאָן, אין וועלכער וואארע ווערט אויסגעביטען אויף אן אנדערע איז בלויז א צופאל, וועלכער הענגט אָפּ פון דעם וויפיעל מענשען עס ווילען פארקויפען און וויא שטארק זיי ווילען פערקויפען דיזע וואארע, און וויפיעל מענשען עס ווילען קויפען, און וויא שטארק זיי ווילען קויפען דיא זעלבע וואארע.

דער שוואכסטער פונקט פון דיזער טהעאָריע איז וואָס זי פאסט זיך ניט אויף אונזער קאפי־טאליסטישען וואארען געזעלשאפט. ווען מענשען האָבען פראָדוצירט הויפּטזעכליך פאר זייער איי־גענעם געברויך, האָבען פראָדוקטען בעדארפט האָבען בלויז א געברויכס־ווערטה. דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס זייערע פראָדוצענטען האָבען בע־דארפט. דיא גרויסע מאיאָריטעט פון פראָדוקטען האָבען זיך אויסגעלעבט זייערע יאָהרען אָהנע צו קומען אויפ'ן מארק אלס וואארען. און דיא קליינע צאָהל פון פראָדוקטען, וועלכע איז צופע־ליגער־ווייזע געקומען אויפ'ן מארק אלס וואארען, האָבען דורך דעם זעלבען צופאל דורך וועלכען זיי זיינען געוואָרען וואארען אויך געקראָגען זייער ווערטה. דיא טויש־ווערטה פראָפּאָרציאָן, אין וועלכער זיי האָבען געמוזט אויסגעטוישט ווערען איינע אויף דיא אנדערע.

גאנץ אנדערש אָבער אין א וואארען־געזעל־שאפט. אין אונזער געזעלשאפט פראָדוצירט מען ניט פאר'ן געברויך, זאָנדערן פאר'ן מארק. מיט אנדערע ווערטער, מען פראָדוצירט ניט קיין פראָ־דוקטען צוליב זייערע אייגענשאפטען פאר'ן מענשליכען געברויך — זייער געברויכס־ווערטה — זאָנדערן צוליב זייער פעהיגקייט פערקויפט צו ווערען, צו אויסגעטוישט ווערען אויף אנדערע וואארען — צוליב זייער טויש־ווערטה.

דיזע אייגענשאפט פון דיא פראָדוקטען אויס־געטוישט צו ווערען אויף אנדערע וואארען, און אויסגעטוישט צו ווערען אין א געוויסער פראָפּאָרציאָן, — זייער טויש־ווערטה — איז אלזאָ דיא הויפּטזאך, וועלכע דיא פראָדוצענטען ציאָן, דיא הויפּטזאך, וועלכע דיא פראָדוצענטען זוכען און ערווארטען אין זייערע פראָדוקטען. עס וואָלט דארום געווען לעכערליך צו זאָגען, אז דער ווערטה פון זאכען איז בלויז א צופאל, וועלכער ווערט ניט רעגולירט פון קיין געזעץ, ווייל דאָס וואָלט געהייסען ערקלערען דעם הויפּט־מאָמענט אין דער געזעלשאפטליכער פראָ־דוקציאָן פאר א צופאל און דיא געזעלשאפט פאר א כאאָס. דיזע עקאָנאָמען זיינען דארום ניט

אזוי אָפּענהערציג וויא דער אלטער מענעקא, וועלכער האָט ערקלערט, דאָס טוישוואָרטה פון וואארען פאר א צופאל. פארקעהרט, זיי טענה'ן אלץ, אז עס איז דאָ א ריכטיגער טוישווערטה, וועלכער הענגט אָפּ פון דעם אָנגעבאָט און נאכפראגע.

לאָמיר אָבער א ביסעל ווייטער אנאלאזירען דיזע זאָגענאנטע ווערטה־טהעאָריע, און מיר וועלען געפינען, אז עס איז דערזעלבער אלטער צופאל, וויא ביי סענעקא, און אז פון קיין טוישווערטה איז אפילו קיין סימן ניטאָ. נאָר דאָס דיזער צופאל ערקלערט שוין מעהר ניט וויא אין סענעקא'ס צייטען.

דער טוישווערטה פון וואארען, זאָגען אונז דיזע טהעאָרעטיקער, הענגט אָפּ פון דעם אָנגעבאָט און דער נאכפראגע. דער טויש־ווערטה פון א פּאָר שיך, צום ביישפּיעל, ווענדעט זיך אָן דעם וויפיעל שיך עס זיינען פאראן אויפ'ן מארק צום פערקויפען, און וויפיעל מענשען עס זיינען פאראן וואָס ווילען קויפען. מיט העטס און אנדערע ארטיקלען איז פונקט דאָס זעלבע. ווען עס זיינען דאָ אויפ'ן מארק 200 פּאָר שיך צום פערקויפען, און קונים פאר 100 פּאָר שיך, דאן וועט דער פרייז פון א פּאָר שיך זיין, לאָמיר זאָגען, 1 דאָללאר. ווען עס זיינען אויפ'ן מארק פאראן בלויז 100 פּאָר שיך צום פערקויפען און קונים אויף 200 פּאָר שיך, דאן וועט דער פרייז פון א פּאָר שיך זיין, לאָמיר זאָגען, 3 דאָלאר. ווען עס זיינען פאראן אויפ'ן מארק 150 פּאָר שיך צום פערקויפען און קונים געפינען זיך אויך גראדע פאר 150 פּאָר שיך, דאן וועט יעדע פּאָר שיך ווערט זיין, לאָמיר זאָגען, 2 דאָלאר. יעדער איינער קען זעהען, אז דאָס איז גאנץ ריכטיג. מיר ווייסען אלע, אז דאָס איז אונגעפעהר וואָס עס קומט פּאָר אין דער ווירקליכקייט אויפ'ן מארק מיט שיך. עס איז גאנץ נאטירליך, דאָס ווען עס איז פאראן אויפ'ן מארק מעהר שיך אָדער העטס וויא קונים, זאָלען שיך און העטס זיין ביליגער, און ווען עס זיינען פאראן מעהר קונים וויא שיך און העטס זאָלען דיזע ארטיקלען זיין טהייערער. אָבער איין פראגע בלייבט אלץ, און דאָס איז, נעמליך: וויא קומט עס, דאָס ווען אויפ'ן מארק זיינען פאראן פונקט גענוג קונים פאר דיא שיך און פונקט גענוג שיך פאר דיא קונים, זאָל דער פרייז פון א פּאָר שיך זיין גערادע 2 דאָלאר? ווארום ניט 3, 4, אָדער 5 דאָלאר? מיט אנדערע ווערטער, פון וואָס הענגט אָפּ דער ווערטה פון וואארען, ווען אָנגעבאָט און נאכפראגע דעקען זיך?

ווייטער. לאָמיר זיך פאָרשטעלען דאָס זעלבע פערהעלטניסמעסיגע פערהאלטען פון אָנגעבאָט און נאכפראגע ביי רעק, אָנשטאָט שיך, אָדער העטס. וואָס וועט זיין דער רעזולטאט? ווען עס זיינען פאראן אויפ'ן מארק 200 רעק און קונים פאר בלויז 100 רעק, וועט דער פרייז פון א ראָק זיין א דאָלאר. ווען עס זיינען פאראן אויפ'ן מארק 100 רעק און קונים פאר 200 רעק, וועט דער פרייז פון א ראָק זיין 3 דאָלאר. ווען עס זיינען פאראן אויפ'ן מארק 150 רעק און קונים פאר פונקט 150 רעק, וועט דער פרייז פון א ראָק זיין 2 דאָלאר. אזוי, הייסט עס, וואָלט עס בעדארפט זיין, ווען עס וואָלט געווען וואהר, דאָס וואארען האָבען ניט קיין אינערליכען ווערטה און קריגען אימער זייער ווערטה דורך'ן צופאל פון אָנגעבאט און נאכפראגע. דאן וואָלט דער ווערטה פון א פּאָר שיך און א ראָק און אירגענד וועלכע אנדערע וואארע געווען דער זעלבער אונטער דיא זעלבע אומשטענדען פון נאכפראגע און אָנגעבאָט. מיר ווייסען אָבער, אז עס איז ניט אזוי. מיר ווייסען, אז רעק זיינען כמעט אימער טהייערער פון שיך, דאָס א געוועהנליכער ראָק קאָסט געוועהנליך 4 אָדער 5 מאָל אזוי פיעל וויא א געוועהנליכע פּאָר שיך. מיט אנדערע ווערטער, דער ווערטה פון פערשיעדענע וואארען איז פערשיעדען אפילו ווען זיי ווערען פערקויפט אונטער דיא זעלבע אומשטענדען פון אָנגעבאָט און נאכפראגע. ווארום איז דאָס אזוי? ווארום זיינען רעק רעגעלמעסיג ווערטה מעהר פון שיך, און פיעלע אנדערע זאכען זיינען רעגעלמעסיג טהייערער פון רעק? עס מוז דאָך זיין אירגענד וועלכע אורזאכע דאפיר. צופאל קען ניט ערקלערען א רעגעלמעסיגע ערשיינונג....

אן אנהענגער פון דיזע טהעאָריע וועט פיעלליכט זאָגען: רעק זיינען רעגעלמעסיג טהייערער פון שיך, ווייל רעק ווערען רעגעלמעסיג פּראָדוצירט אין אזעלכע קליינע קוואנטיטעטען אין פערגלייך מיט שיך, דאָס דער אָנגעבאָט איז געוועהנליך ניט אזוי גרויס, דאָס דער ווערטה פון רעק זאָל אראָבגעדריקט ווערען צום געוועהנליכען פרייז פון שיך. פרעגט זיך, ווארום ניט? ווארום זאָל מען ניט פּראָדוצירען אזוי פיעל רעק, אז זיי זאָלען זיין אזוי ביליג וויא שיך? דארויף האָט דיא אָנגעבאָט און נאכפראגע טהעאָריע קיין אנטוואָרט ניט.

דער תירוץ איז נאַטירליך גאַנץ איינפאַך: עס לוינט זיך ניט צו פּראָדוצירען אזוי פיעל רעק, אז זיי זאָלען פערקויפט ווערען אזוי ביליג וויא שיך, דאָס הייסט עס קאָסט מעהר צו פּראָדוצירען רעק וויא שיך. אָבער דאָס פּאַסט ניט אין דער טהעאָריע פון אָנגעבאָט און נאכ־פראגע, ווייל דאָס ברענגט שוין אריין א גאַנץ אנדערען עלעמענט אלס אורזאכע און מאָס פון דעם ווערטה פון וואַארען, און מיר האָבען אזוי עררייכט צו א גאַנץ אנדער ווערטה־טהעאָריע, דאָס פּראָדוקציאָנס־קאָסטען־טהעאָריע.

ל. בודיאנאָוו.

# אָנקעל סעם׳ס אינדיק.

מיט צוויי מאָנאַט צוריק איז א נייע רעפּובליק געשאַ־פען געוואָרען אויף דער זינדיגער וועלט. צו דער גרויסער משפחה פון קליינע רעפּובליקען אין צענטראַל־אמעריקא איז צוגעקומען נאָך איינע, און דיא פּאָליטישע קארטע פון דער נייער וועלט האָט זיך ווידער געענדערט.

דער לעזער פערשטעהט געוויס, אז מיר מיינען דאָ דיא זאָ־גענאַנטע פּאַנאַמע רעפּובליק, וועלכע איז געבאָרען געוואָרען אין דער נאכט פון לעצטען 3טען נאָוועמבער אין א דאָלאַר־העמדעלע אונטער דעם שוץ פון אמעריקאַנער קאַנאָנען. אַן און פיר זיך, וויא דער דייטש זאָגט, וואָלט אזא במחילה רעוואָלוציאָן און פּאָליטישע ענדערונג קיין וועלט־בעדייטונג ניט געהאַט. מאַלע וויפיעל „רעוואָלוציאָנען" עס קומען פאָר אין דער שפּאַ־ניש־שפּרעכענדער אמעריקא, בפרט נאָך אין אעלכע פיעל־געפּרופטע רעפּובליקען וויא קאָ־לאָמביא און ווענעצועלא. א פּראָווינץ האָט זיך אָפּגעטהיילט פון קאָלאָמביא און געמאַכט שבת פאַר זיך — אויף אַן עסק! מאָרגען וועט אין אַן אנדער פּראָווינץ אויסברעכען אַן אויפשטאַנד און איבערמאָרגען קען גאָר קאָלאָמביא צוקריגען א טהייל פון אַן אנדער רעפּובליק. מען איז שוין אזוי צוגעוואָהנט צו דיא בירגער־מלחמות און אי־בערקעהרעניסען אין דיזע לענדער, אז מען אינ־טערעסירט זיך גאַנץ ווייניג מיט זייערע איינצעלהייטען און רעזולטאַטען. איין דיקטאַטאָר אראָפּ פון בענקעל, אַן אנדערער — ארויף, א דריטער וויל דעם נייעם ארונטערשליידערען — דאָס זיינען אלץ היימישע אנגעלעגענהייטען, וועלכע האָבען געוועהנליך קיין שום שייכות ניט מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

אָבער דיא ניי־געבאָרענע רעפּובליק, וויא קליין און שוואַך זיא איז ניט, האָט גראַדע אַן אונגעהייער וויכטיגע וועלט־בעדייטונג. דאָס קומט נאָר דורך איהר געאָגראַפישע לאַגע. ווען דיא זעלבע שטיק לאַנד וואָלט געלעגען ערגעץ אין אַן אנדער אָרט פון אמעריקא, וואָלט מען זיך גאַנץ ווייניג געקימערט וועגען איהר פּאָליטישען שיקזאַל, אויב זיא וועט זיין אונאַבהענגיג אָדער פערבונדען מיט קאָלאָמביא אָדער מיט אַן אנדער רעפּובליק. אָבער זיא פערנעהמט דעם שמאָלסטען פּאַס יבשה, וואָס טהיילט אָפּ דיא צוויי גרעסטע אָקעאַנען: דעם פּאַסיפיק און דעם אטלאַנטיק. דער וועג צווישען דעם פּאָרט קאָלאָן ביים אטלאַנ־טישען ברעג און דעם פּאָרט פּאַנאַמאַ ביים פּאַ־סיפישען ברעג, דאָס וואָס מען רופט א יסטה־מוס (א גריכישער וואָרט, וואָס בעדייטעט: דורכגאַנג) פון פּאַנאַמאַ, איז דער קירצעסטער און בעסטער צו פערבינדען ביידע אָקעאַנען דורך א קאַנאַל און פּאָלגליך אויף דער וויכטיגסטער פאַר דעם וועלט־האַנדעל.

שוין לאנג האָבען דיא פעראייניגטע שטאַאַטען געוואָרפען אַן אויג אויף דיזען צענטראַל־פונקט פון דער נייער וועלט; שוין לאנג האָבען דיא אמעריקאנער שטאַאַטס־מענער געזוכט צו פערזיכערען, אַז דער פאנאמא־איסטהמוס זאָל בלייבען אין שוואכע הענד, אום מען זאָל קענען ביי א געלעגענהייט איהם פערכאַפּען און יעדענפאלס קאָנטראָלירען. נאָך מיט 25 יאָהר פאר דיא אויסגראבונג פון דעם זועץ־קאנאל האָט דיא אמעריקאנער רעגירונג זיך פערזאָרגט מיט אזא טראַקטאַט, וואָס האָט איהר יעצט געגעבען דיא אויסרייד צו פערכאַפּען דעם איסטהמוס אונטער דיא מאַסקע פון אַן אָפּמאַך מיט דער פאנאמא רעפּובליק, וועלכע זיא האָט אַליין געשאַפען און וועלכע זיא האַלט יעצט אויף מיט מיליטערישע מיטעל געגען דיא אָנגענומענע אינטערנאַציאָנאַלע געזעצע.

דאָס איז נעמליך דער טראַקטאַט, וואָס דיא גרויסע נאָרד־אמעריקאנער רעפּובליק האָט געשלאָסען אין 1846 מיט דער שוואכער רעפּובליק קאָלאָמביא, וועלכע האָט דאַן געהייסען ניי־גראַנאַדאַ.

ארום יענער צייט האָט מען אין ניי־גראַנאַדאַ, וועלכע האָט זיך ערשט אין 1831 אָבגעטהיילט פון ווענעצועלא און עקוואַדאָר (נאָך דעם אויפשטאַנד געגען שפּאַניען אין 1820 זיינען דיזע דריי שפּאַנישע פּראָווינצען געווען פערבונדען אין איין רעפּובליק), מורא געהאַט, אַז ענגלאַנד וועט אריינשטעקען א פיסעל אין דעם בעסטען און וויכטיגסטען טהייל: אין דעם פאנאמא־איסטהמוס. דיא רעגירונג פון ניי־גראַנאַדא האָט זיך דארום געווענדעט צו דיא פעראייניגטע שטאַאַטען, אום צו זיין געזיכערט געגען ענגלאַנד אָדער אירגענד וועלכע אנדערע אייראָפּעאישע מאַכט. דיא אמעריקאנער רעגיערונג, וועלכע האָט אין 1823 ערקלערט דיא זאָגענאַנטע מאָנראָ־דאָקטרין, אום דיא אייראָפּעאישע מעכטע זאָלען זיך צוריקהאַלטען פון פערכאַפּען לענדער אין דער נייער־וועלט, האָט זיך נאַטירליך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענד אָן אזא געלעגענהייט צו שליסען א בונד מיט א רעפּובליק, וועלכע האָט בעזעסען אזא טהייערן לעקערביסען וויא דער פאנאמא־איסטהמוס. אזוי וויא ביידע צדדים האָבען דאַן געהאַט געמיינשאַפטליכע אינטערעסען געגען דיא אייראָפּעאישע מעכטע, איז דער אָפּמאַך שנעל געשלאָסען געוואָרען.

דער וויכטיגסטער פונקט פון דיזען אָפּמאַך איז דער 35טער, וועלכער לויטעט, אז דיא רעגיערונג פון ניי־גראַנאַדא (קאָלאָמביא) גיט איבער דער רעגיערונג פון דיא פעראייניגטע שטאַאַטען דאָס רעכט צו בעשיצען דעם האַנדעלס־וועג דורך דעם פאנאמא־איסטהמוס. אין דעם זעלבען פונקט איז אָבער אויסדריקליך ערקלערט, אז דיא פעראייניגטע שטאַאַטען גאַראַנטירען דאָס רעכט פון ניי־גראַנאַדא צו בעזיצען און צו פערוואַלטען דיא גאנצע פאנאמא־פּראָווינץ. דער גייסט פון דעם אָפּמאַך איז געווען צו פערזיכערען זיך געגען מעגליכע אטאַקעס פון אייראָפּעאישע מעכטע. אויף קיין פאל האָט מען דאַן און זאָגאר ביז דיא לעצטע פּאָר יאָהר ניט פערשטאַנען, אז דער אָפּמאַך פון 1846 גיט דער רעגיערונג פון דיא פעראייניגטע שטאַאַטען אירגענד וועלכען רעכט אריינצומישען זיך אין דיא אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון קאָלאָמביא. זאָ לאנג דער וועג דורך דעם איסטהמוס, ספּעציעל דיא פאנאמא אייזענבאהן־ליניע, איז געבליבען אונגעשטערט, האָבען דאָרטען געמעגט פּאַרקומען וויפיעל ניט איז „רעוואָלוציאָנען" און שלאַכטען — דאָס איז ניט געווען קיינעמס עסק אויסער דיא איינוואָהנער פון קאָלאָמביא. בלויז ווען דער אייזענבאהן־וועג פלעגט א מאָל אונטערבראָכען ווערן דורך דעם שטענדיגען קאַמפּף צווישען דיא פּאַרטייען אין קאָלאָמביא, דיא קאָנסערוואַטיווע (ריכטיגער די קאַטוילישע אָדער קלעריקאַלע) און דיא ליבעראַלע, האָט דיא אמעריקאנער רעגירונג געמעגט, שטיצענדיג זיך אויף דעם טראַקטאַט פון 1846, לאַנדען סאָלדאַטען אין דיא אינטערעסען פון אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל.

אזוי האָט דיא אמעריקאנער רעגירונג געהאַנדעלט ביז דעם יאָהר 1885. זיא פלעגט אויסמיידען זיך אריינצומישען אין דעם פייערדיגען פּאַרטיי־קאַמפּף, וועלכער איז דאָרט אָנגעגאַנגען דיא גאנצע צייט אויף דעם שטייגער פון דיא שפּאַניש־שפּרעכענדע פעלקער אין צענטראַל און זיד־אמעריקא, און האָט זיך עהרליך געהאַלטען אָן דעם גייסט פון דעם טראַקטאַט. אין 1862, ווען דיא קאָנסערוואַטיווע רעגיערונג האָט געהאַלטען שמאָל אין דעם קאַמפּף מיט דיא ליבעראַלען אין דער פאנאמא־פּראָווינץ, האָט זי זיך געווענדעט צו דער רעגיערונג אין וואַשינגטאָן איהר צו שטיצען אויף דעם גרונד פון דעם אָפּמאַך פון 1846; אָבער דיא אמעריקאנער רעגיערונג האָט זיך ענטזאַגט דאָס צו טאָן. זיא האָט

דאן אויסדריקליך ערקלערט, אז זיא איז נאָר פערפליכטעט צו שטיצען קאָלאָמביא געגען אויסלענדישע שונאים, אָבער דארף בלייבען פון ווייטענס אין דעם אינערליכען פּארטיי־קאמפּף.

דיא ליבעראלען האָבען דאן געזיעגט און איינגעפיהרט זעהר וויכטיגע רעפאָרמען אין לאנד. דיא קאָנסערוואטיווע פּארטיי, הינטער וועלכע עס שטעהען דיא פינסטערע מחנות פון דיא קאטוילישע גלחים, האָט זיך גאָר ניט געקי־מערט וועגען פאָלקסבילדונג און האָט געשטערט דעם פּראָגרעס אויף יעדען שריט. דיא גלחים זיי־נען געוועזען דיא הערשער און האָבען געהאלטען דיא מאסען פון פאָלק אין אונוויסענהייט. וויא גרויס זייער מאכט איז געוועזען, קען מען א בע־גריף האָבען, ווען מען בערעכענט, דאָס פאר דער ליבעראלער רעוואָלוציאָן פון 1863, האָבען דיא קאטוילישע אָרדענס געהאט פערכאפּט פ י ע ר־פ י נ פ ט ע ל פון נאציאָנאלען רייכטהום. דיא לי־בעראלען האָבען קיין אנדער ברירה ניט גע־האט ווא צו קאָנפיסצירען דיא לענדער פון דיא גלחים. (דאָס זעלבע איז אויך געשעהען אין אלע זיד־אמעריקאנער רעפּובליקען א קורצע צייט נאכדעם וויא זיי האָבען אראָפּגעשליידערט פון זיך דעם שפּאנישען יאָך.)

צוואנציג יאָהר האָבען דיא ליבעראלען גע־פיהרט דיא רעדעל און האָבען זעהר פיעל אויפגעטאָן פיר'ן פאָלק: איינגעפיהרט רע־ליגיעזע פרייהייט, צוגעלאָזען עמיגראנטען, אָב־געשאפט נעגער־שקלאַפעריי, פערקלענערט דעם נאציאָנאלען חוב א. ז. וו. די גלחים האָבען נאַ־טירליך דיא גאנצע צייט אינטריגירט און גע־העצט געגען דיא „גאָטלאָזע" און האָבען שליס־ליך ארויסגערופען אַן אויפשטאנד. דאָ איז ניט דער אָרט איבערצוגעבען דיא איינצעלהייטען פון דיזען אינטערעסאנטען קאמפּף, וועלכער געהט נאָך אָן עד היום, דען מיר שרייבען ניט די גע־שיכטע פון קאָלאָמביא. מיר בעריהרען עס נאָר, אום אויסצוגעפינען, וויא דיא אמעריקאנער רע־גיערונג האָט דערביי געהאנדעלט. מיר האָבען שוין געזעהען, אז נאָך אין דיא זעכציגער יאָה־רען האָט זיך דיא רעגירונג פון וואשינגטאָן ענט־זאגט צו נעהמען אירגענד וועלכען אנטהייל אין דעם ביטערען פּארטיי־קאמפּף פון קאָלאָמביא. אויך אין 1876 האָט דיא אמעריקאנער רעגיע־רונג זיך געהאלטען אָן דעם ריכטיגען זינען און צוועק פון דעם אָפּמאך פון 1846. אָבער צעהן יאָהר שפּעטער איז פאָרגעקומען א גרויסע ענ־דערונג אין דיא בעציהונגען פון דיא פעראיי־ניגטע שטאאטען צו קאָלאָמביא. דאן (ארום 1885) האָבען די קאָנסערוואטיווען פערכאפּט די רעגיערונגס־לייצעס אין זייערע הענדע, און אין וואשינגטאָן האָט דיא רעדעל געפיהרט דער סטייט־סעקרעטער (מיניסטער פון אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען) בלעין, וועלכער קען גערע־כענט ווערען פאר דעם פאָטער פון דער אמע־ריקאנער אימפעריאליסטישער פּאָליטיק.

אזוי וויא דיא ליבעראלען זיינען געוועזען בע־זאָנדערס שטארק אין דער פּאנאמא־פּראָווינץ, האָט דיא קאָנסערוואטיווע רעגירונג זיך געווענ־דעט צו דער הילפע פון דער אמעריקאנער רע־גירונג זיי צו פערייאָגען אויף דעם גרונד פון דעם אָפּמאך פון 1846 . דיא אמעריקאנער רעגירונג האָט געשיקט קריעגשיפען צו בעשיצען דעם פּא־נאמא־איסטהמוס. דער תירוץ איז געוועזען, וויא געוועהנליך, צו בעשיצען דיא אייזענבאהן־לי־ניע, אָבוואָהל דיא ליבעראלען האָבען איהר ניט געריהרט און זיך גוט געהיט ניט צו שטערען דעם גרויסען האנדעלס־וועג. ווען דיא אמעריקא־נער ים־סאָלדאטען האָבען געלאנדעט, איז גראדע פאָרגעקומען א שלאכט צווישען דיא ליבעראלען און קאָנסערוואטיווע, אָבער אָנשטאָט צו בליי־בען אָן א זייט, וויא אין פריהערע אזעלכע פעלע, האָבען דיא אמעריקאנער אונטערשטיצט דיא קאָנסערוואטיווע רעגירונג.

דאָס איז געווען דיא ערשטע דירעקטע אריינ־מישונג פון דיא פעראייניגטע שטאאטען אין א קאָלאָמביאנער „רעוואָלוציאָן." ווען די אמעריקא־נער רעפּובליק וואָלט איבערהויפּט געמעגט אזוי האנדלען נאָך דעם אָפּמאך פון 1846, האָט זי איי־גענטליך בעדארפט שטיצען דיא אינטערע־סען פון פּראָגרעס דיא ליבעראלען געגען דיא קאָנסערוואטיווע, ווייל דיא לעצטע האָבען נאָר געשטרעבט צו פערשטארקען דיא מאכט פון דיא קאטוילישע גלחים. אָבער זיא האָט גראדע גע־האָלפען דיא פיינדע פון פּראָגרעס און בילדונג. ווארום ? ווארום האָט זיא איבערהויפּט געענ־דערט איהר פריהערע פּאָליטיק, וועלכע האָט וויינינגסטענס צום שיין געשטימט מיט דער בע־ריהמטער מאָנראָ־דאָקטרין? וואָס האָט בעוואָגען ד'עם מיניסטער בלעין צו בענוצען זיך מיט דעם אָפּמאך פון 1846, אום ארויפצושטעלען אָנקעל סעם'ס פוס אויף דעם האלז פון קאָלאָמביא ?

אום צו געבען א קלאָרע אנטוואָרט אויף דיזע פראגע, איז נייטיג צו נעהמען אין אנבע־

טראכט: ערשטענס, דיא ריזיגע ענטוויקלונג פון אמעריקאנער אינדוסטריע, און צווייטענס, דיא פראנצויזישע פאנאמא־קאנאל קאָמפּאניע.

נאָך דעם בירגער־קריעג וועגען דיא בע־פרייאונג פון דיא נעגערן האָט דאָס אמעריקא־נער פאָלק געמאכט ריזיגע שריט פּאָרוועטס אויף דעם עקאָנאָמישען פעלד. דיא אינדוסטריע און האנדעל זיינען מיט יעדען יאָהר אזוי הויך און ברייט געשטיגען, אז באלד האָבען דיא פאב־ריקאנטען גענומען זוכען אן אָפּזאץ פאר דיא פּראָדוקטען אין אויסלאנד. דער היימישער מאר־קעט איז געוואָרן איבערפילט, אָבוואָהל מען האָט איהם פערטהיידיגט מיט זעהר הויכע טאריפען. מען האָט דארום אָנגעפאנגען אליין מעהר ארויס־צוטרעטען אין פרעמדע מארקעטס. נאָר אין איי־ראָפּא איז שווער צו קאָנקורירען און אין אונ־זערע וועלט־טהיילען זיינען דיא אייראָפּעער גע־ווען פריהער און האָבען פערכאפּט דיא בעסטע קאָלאָניעס. אין דער נייער וועלט האָבען דיא אמעריקאנער קאפּיטאליסטען גענומען געברויכען זייערע פרייע קאפּיטאלען וואו נור עס האָט זיך געלאָזען. מיט זייער הילף איז מעקסיקאָ, דיא נעכסטע שכנה אין דער שפּאניש־שפּרעכענדער אמעריקא, זעהר שנעל ענטוויקעלט געוואָרן אינ־דוסטריעל. עס איז אן אָפּענער סעקרעט, אז דיא מייסטע אייזענבאהנען, מינען און פאבריקען לי־גען אין אמעריקאנער הענד.

דאָס איז נאָך אָבער ניט גענוג געווען פאר דעם אמעריקאנער קאפּיטאל, וועלכער איז מערק־ווירדיג שנעל געוואקסען און וועלכער האָט זיך אליין ענערגישער געיאָגט נאָך פּראָפיטען אין פרעמדע מארקעטס. מען האָט זיך אליין האַס־טיגער געדרוקט צום זידען, נאָך קובא, ניקאראגוא, קאָלאָמביא, ווענעצועלא א. ז. וו. נאָר דאָ האָט מען זיך אָנגעשטויסען אן דעם פאנאמא־איסטה־מוס אלס א שטערונג. דיא אמעריקאנער אינ־דוסטריען זיינען גראדע ענטוויקעלט אין דיא מזרח־שטאאטען. אום צו קענען ברענגען אמערי־קאנער פּראָדוקטען אין דיא רעפּובליקען לעבען דיא ברעגעס פון פאסיפישען אָקעאן, מוז מען נעברויכען אייזענבאהנען, וואָס עס קאָסט טהייער, אָדער ארומפאָהרען אויף שיפען ארום גאנץ זיד־אמעריקא, וואָס עס נעהמט צו לאנג און קאָסט אויך ניט ביליג. דער פאנאמא־איסטה־מוס שטעהט אין וועג, דארום האָט מען אליין הע־כער גענומען פאָרדערן, אז מען זאָל ענדליך דורכ־גראָבען דעם לאנג־געפלאנעוועטען פאנאמא־קאנאל.

א קאנאל! א קאנאל! האָט מען נאָר גע־הערט שרייען אין דיא קאפּיטאליסטישע קריי־זען, אין זייערע צייטונגען און געזעצגעבונגען. נאָר דעם פאנאמא־וועג האָבען דיא פראנצויזען פערכאפּט פריהער. יעדער וויים, אז לעספּעס, דער גראָבער פון זועץ־קאנאל, האָט אויך געקראָ־גען ביי דער קאָלאָמביאנער רעגירונג א קאָנצע־סיאָן צו גראָבען דעם פאנאמא־קאנאל. דער פאקט, אז קאָלאָמביא האָט געקענט שליסען א קאָנטראקט מיט א פראנצויזישער קאָמפּאניע נאָר ניט אכטענדיג אויף דעם אָפּמאך פון 1846 מיט דיא פעראייניגטע שטאאטען, צייגט אם בעסטען, אז דיזע רעפּובליק איז אין דער גאנצער וועלט אנערקענט געוואָרען פאר דעם בעל הבית איבער דעם פאנאמא־איסטהמוס. עס איז אמת, אז דער אמעריקאנער רעגירונג איז גאָר ניט גע־פעלען געוואָרען, וואָס א פראנצויזישע קאָמפּאניע האָט אויסגעכאפּט אזא פעטען ביסען, און אז זיא האָט געשטערט דיזער קאָמפּאניע וויא וויט זיא האָט עס געקענט, ספּעציעל אין פי־נאנציעללע אנגעלעגענהייטען. (דיא פראנצויזי־שע קאָמפּאניע האָט געמוזט אונטער־קויפען א רעכטע ביסעל מיטגלידער פון אמערי־קאנער קאָנגרעס, אז זיי זאָלען קוקען און שוויי־גען). נאָר געגען דעם פּרינציפּ, נעמליך: דאָס רעכט פון קאָלאָמביא צו געבען א קאָנצעסיאָן אויף דעם קאנאל אירגענד וועלכער קאָמפּאניע, האָבען דיא פעראייניגטע שטאאטען גאָר ניט גע־קענט אָנווענדען, וויינינגסטענס אָפען. שטיללער־הייט אָבער האָבען דיא אמעריקאנער דיפּלאָמא־טען און קאפּיטאליסטען ניט אויפגעהערט צו אינטריגירען געגען לעספּעס'עס קאָמפּאניע און געזוכט א געלעגענהייט אריינצושטעקען א פעטטע פוס אויף דעם איסטהמוס.

דיזע געלעגענהייט איז געקומען אין 1885 דורך די ביטע פון דער קאָנסערוואטיווער קאָלאָמ־ביאנער רעגירונג צו בעשיצען די פאנאמא־פּראָ־ווינץ געגען דיא ליבעראלען. בלעין, וועלכער איז געווען זעהר א געשיקטער דיפּלאָמאט און האָט מיט אלע כוחות געהאָלפען דיא פאבריקאנ־טען און קאפּיטאליסטען צו פערכאפּען אויסלענ־דישע מארקעטס, האָט זיך ניט געלאָזט לאנג בעטען. דער רעזולטאט איז געווען אז דערמיט איז אויסגעלייגט געוואָרען א וועג צו וויי־טערע אריינמישונגען אין דיא אינערליכע אנגעלעגענ־

הייטען פון קאָלאָמביא, אריינמישונגען, וועלכע האָבען זיך געענדיגט מיט דער טראגאָקאָמישער געבורט פון דער יעצטיגער פאפירענער פאנאמא־רעפובליק.

דאָס איז צוגעגאַנגען זעהר שנעל, אָבער גאַנץ נאַטירליך נאָך דער קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטיק, וועלכע אנערקענט דאָס רעכט פון פּראָפיט אלס דעם העכסטען אין דער מענשליכער געזעלשאפט. האַנדעלס־אינטערעסען זיינען דער אָנפאנג און דער סוף פון קאַפּיטאַליסטישע שטאַאטען. צוליעב דיזע אינטערעסען פיהרט מען מלחמות, מען בעפאלט שוואכע פעלקער, מען שלאכטעט אוים ווילדע און האלב־ווילדע, מען כאפּט קאָלאָניעס, מען בויט וואָס מעהר קריעגשיפען, מען האלט אָן אלץ גרעסערע שטענדיגע ארמעען מיט דיא בעסטע און טהייערסטע מאָרד־אינסטרומענטען. דער ענדציעל איז פּראָפיט, וואָס מעהר פּראָפיט, מעג דיא גאַנצע וועלט אונטערגעהן, און ווער עס איז שטאַרקער, דער איז אויפ׳ן פערד אין דער האלז־ברעכענדער קאָנקורענץ. אין דיא קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, ביכער און פּארלאַמענטען הייסט עס, אז מען וויל בעגליקען דאָס גאַנצע פאָלק מט קאָלאָניעס און מארקעטס, אז דיא ארבייטער דארפען זיצען און בענטשען פריהער דיא פאבריקאנטען און נאכהער דיא פּאָליטיקער, דאָס מען פערגרעסערט אלץ דיא פלאָטען און דיא ארמעען, אום צו קענען כאפּען קאָלאָניעס, אָדער ניט דערלאָזען אנדערע צו כאפּען צו פיעל. דאָרטען רעדט מען אלץ וועגען „נאַציאָנאלען רייכטהום“, וועגען „נאַציאָנאלע פּראָספּעריטי“ (הצלחה), וועגען „מאַרקעטס פאר נאַציאָנאלע פּראָדוקטען“ א. ז. וו. אום צו פערבלענדען דיא אויגען פון דיא ארבייטער, אז זיי זאָלען זיך ניט ארומזעהען, דאָס אָנשטאט דעם וואָרט „נאַציאָנאלע“ דארף מען אין דער ווירקליכקייט געברויכען „קאַפּיטאַליסטישע“.

דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אייראָפּא, ווידערהאָלט זיך אין דיא פעראייניגטע שטאַאטען. מאָנאַרכיע אָדער רעפובליק — דאָס מאַכט קיין אונטערשיעד אין דיא עקאָנאָמישע געזעצע, וועלכע בעהערשען דיא איצטיגע געזעלשאפטליכע אָרגאניזאציאָנען. דיא געזעצע פאָדערן אַן אויסוועג פאר דיא קאַפּיטאַלען, וועלכע קענען ניט געברויכט ווערן אין דער היימישער פּראָדוקציאָן. דיזער אויסוועג זיינען קאָלאָניעס און מארקעטס אין לענדער, וואו אינדוסטריע איז נאָך שוואך ענטוויקעלט. זאָ לאנג דער היימישער מארקעט איז געווען גענוג פאר דעם אמעריקאנער קאפּיטאל, האָט זיך דיא אמעריקאנער רעגיערונג ניט געמישט אין דער קאָלאָניאלער פּאָליטיק פון דיא אויראָפּעאישע כאַפּערס און האָט זיך שטרענג געהאלטען אָן דיא מאָנראָ־דאָקטרין. מען האָט אויך ניט געבויט א סך קריעג־שיפען און ניט פערגרעסערט דיא ארמעע. נאָר וויא דער היימישער מארקעט איז ענג געוואָרען פאר דעם אלץ שטייגענדען קאפּיטאל, זאָ דאָס מען האָט שוין געקענט געברויכען דעם איבערשוס אַנדערסוואו מיט פּראָפיט, צום בייספיעל, בויען אייזענבאהנען אין מעקסיקאָ, קובא אָדער כינא, דאַן האָט זיך אָנגעפאנגען דיא זאָגענאַנטע א י מ פ ע ר י א ל י ס ט י ש ע  פ אָ ל י ט י ק, וועלכע האָט געפיהרט צו דער מלחמה מיט שפאניען, צו דער פערכאפּונג פון האַוואַאי, פיליפּינען און פּאָרטאָ ריקאָ, צו דער אויפבויאונג פון מיליטערישע סטאַציאָנען אין קובא און יעצט צו דער פאקטישער בעזעצונג פון פאנאמא־איסטהמוס.

דאָס איז אלץ אויסגעפיהרט געוואָרען אין דיא לעצטע פינף יאָהר — א ריזיגע כאפּעריי פאר אזא קורצע צייט. אָבער דאָס איז אלעס פאָרבערייטעט געוואָרען אין דיא לעצטע צוואנציג יאָהר, און דער סוף איז נאָך זעהר ווייט. דער אפּעטיט פון דיא אמעריקאנער קאפּיטאליסטען ווערט אלץ גרעסער, שאַרפער, אונערזעטליכער. זיי שטרעבען ניט מעהר און ניט ווייניגער צו בעהערשען גאַנץ אמעריקא און דעם פּאסיפיק אָקעאן און דורך דעם דיא גאנצע וועלט. דאָס האָט אויך פּרעזידענט רוזוועלט, דיא רעכטע האנד פון דיא אמעריקאנער אימפּעריאליסטען, אויסדריקליך אָנגעצייגט אין רעדען איבער זיין בעליעבטע טהעמא וועגען דיא פערמעהרונג פון קריעגסשיפען. ווער עס וועט בעהערשען דעם פּאַציפיק אָקעאן, דער וועט בעהערשען דיא וועלט, האָט ער ווידערהאָלט און דערביי ערקלערט, אז דיא פעראייניגטע שטאַאטען מוזען אָנווענדען אלע קרעפטען צו בויען וואָס מעהר קריעג־שיפען, אום צו קענען שטרעבען צו אזא הערשאפט.

יעדענפאלס, וואָס דיא צוקונפט וועט ניט בעוויזען — אלע קאפּיטאַליסטישע הערשער און פּאָליטיקער פערגעסען גאָר אין זייערע רעכנונגען אָן דיא נ י י ע  וו ע ל ט מ א כ ט, וועלכע הייבט זיך אויף געגען זיי, אָן  ד ע ם  וו א ו ק ס  פ ו ן  ס אָ צ י א ל י ז מ ו ס — נאָר דערווייל האַלטען דיא אמעריקאנער קאפּיטאַליסטען ביי

דער סדרה פּאַנאַמאַ־קאַנאַל. אָהן דיזען קאַנאַל קען מען ניט שפּיעלען א גרויסע ראָלע אויף דעם פּאַסיפיק אָקעאַן און ניט בעהערשען דיא שפּאַניש־שפּרעכענדע רעפּובליקען. ווען מען וועט דורכגראָבען דעם קאַנאַל און איהם בעפעסטיגען, וועט מען זיך א נעהם טהאָן צו זיי. דאָס וועט מען דאן קענען טהאָן אָהן שום צערעמאָניעס, אָהן היפּאָקריטישע דריידלאַך, ווייל דיא מאָנראָ־דאָקטרין איז שוין פאַקטיש געבראָכען געוואָרען פון דיא אמעריקאַנער אימפּעריאַליסטען מיט פּרעזידענט רוזוועלט אן דער שפּיצע.

אין דעם שטעקט דיא טראַגאָקאָמעדיע פון דער יעצטיגער אמעריקאַנער פּאָליטיק. ווי פיעל דיא רעגירונג פון וואשינגטאָן האָט ניט געדרעהט, אז דער פּאַנאַמאַ־קאַנאַל זאָל בלייבען פּאָלשטענדיג אין איהרע הענד און אז קאָלאָמביא זאָל דאָס מקבל באהבה זיין, האָט זיא עס דאָך ניט געקענט אויספיהרען אָהן א גוואַלדיגע אָפּעראַציאָן, אָהן א שניט אין דעם פּאָליטישען קערפּער פון קאָלאָמביא און אָהן אָן אָפענעם ווידערשפּרוך מיט איהר פריהערער פּאָליטיק אויף דעם גרונד פון דער מאָנראָ־דאָקטרין.

נאָך דיזער דאָקטרין, וועלכע אנערקענט דאָס רעכט פון יעדער נאַציאָן אין דער נייער וועלט אויף איהר חלק לאנד, האָט דיא אמעריקאַנער רעגירונג אויף קיין פאַל ניט געטאָרט אָפּרייסען די פּאַנאַמאַ פּראָווינץ פון קאָלאָמביא. אָפען האָט זיא עס אויך יעצט ניט געטאָן, מען האָט געזוכט צו בעהאַלטען דיא וועלפישע צעהנער אונטער א מאַסקע פון אַן אונשולדיגען נעבעכל. מען האָט 'שטיל'ערהייט געפּלאַנעוועט א רעוואָלוציאָן אין פּאַנאַמאַ, אום מען זאָל ניט זעהען, אז דיא אמעריקאַנער פינאַנסיסטען אין וואָלל סטריט פון ניו יאָרק ציהען דיא דראָטען, און מען האָט עס מיט דעם כוח פון דעם אַלמעכטיגען קאַפּיטאַליסטישען גאָט — דעם דאָלאַר — אויסגעפיהרט דעם 3טען נאָוועמבער; אָבער דערביי האָט מען זיך אזוי צוגעאיילט, אז מען האָט פערגעסען צו בעהאַלטען אַלע דראָטען.

דיא לאַנגע דראַמע מיט דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל האָט זיך פּערלויפיג אָפּגעקינדעלט מיט א וואָדעוויל, אין וועלכען אָנקעל סעם האָט געשפּיעלט דיא ראָלע פון א העבאַמע הינטער דיא קוליסען. דיזע דראַמע איז איבערהויפּט רייך געוועזען מיט סורפּריזען און טהעאַטער־עפּעקטען. דער ערשטער און גרעסטער סורפּריז איז געוועזען דער קראַך פון דער לעסעפּס קאָמפּאַניע — דער בעריהמטער פּאַנאַמאַ־קאַנאַל שווינדעל אין פראַנקרייך. דיא אמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען פיעל מיטגעהאָלפען צו דיזען קראַך, האָבען זיך געקליבען צו ירש'ענען דיא קאָנצעסיאָן פון דער באַנקראָטירטער פראַנצויזישער קאָמפּאַניע; אָבער זיא האָט זיך רעאָרגאַניזירט אום פּאָרטצוזעצען דיא אונטערבראָכענע ארבייט און ענדיגען דעם קאַנאַל. דאָס איז זיא ניט געווען אין שטאַנד דורכצופיהרען אויס מאַנגעל אין קאַפּיטאַל. (דיא אונטערנעהמונג איז איבערהויפּט א צו גרויסע פאר א פּריוואַט־קאָמפּאַניע); אָבער דיא קאָנצעסיאָן, וואָס זיא האָט ארויסגעקוועטשט ביי דער קאָלאָמביא רעגירונג, האָט זיא פעסט געהאַלטען, אום ארויסצוקריגען וואָס מעהר געלד ביי דיא אמעריקאַנער רעגירונג, וועלכע איז אונטערגעיאָגט געוואָרן פון איהרע אמת'ע בעפעהלסגעבער — דיא קאַפּיטאַליסטען — אַליין זיך א נעהם צו טהאָן צו דער לאָפּעטע און צו גראָבען דעם קאַנאַל אויף דער רעכנונג פון גאַנצען פאָלק.

אום פון איין זייט צו צווינגען דיא פראַנצויזישע קאָמפּאַניע צו פערקויפען ביליגער איהר קאָנצעסיאָן און פון דער אַנדער זייט צו מאכען געלט אויף דער רעכנונג פון פאָלק, האָט זיך א קאָמפּאַניע אמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטען א נעהם געטאָן צו דער רעפּובליק ניקאַראַגואַ, ביי וועלכער זיא האָט ארויסגעקראָגען א קאָנצעסיאָן צו גראָבען דאָרטען א קאַנאַל. דאָס איז געווען א צווייטער גרויסער סורפּריז. יאָהרענלאַנג האָבען זיך דיא קאַפּיטאַליסטען פון דער ניקאַראַגואַ קאַנאַל קאָמפּאַניע ארומגעריסען מיט דיא אַנהענגער פון דעם פּאַנאַמאַ־וועג. עס האָבען זיך געקעהרט וועלטען אין קאָנגרעס, און דיא צייטונגען זיינען געווען פול מיט דיא איינצעלהייטען פון דיזען קאמפּף צווישען פערשיעדענע פינאַנציעלע קאָמפּאַניעס. איין מאָל האָט דיא ניקאַראַגואַ חברה בעזיעגט דיא פּאַנאַמיסטען אין קאָנגרעס, און דיא אמעריקאַנער רעגירונג וואָלט פּיללייכט אָנגעפאַנגען צו גראָבען א קאַנאַל אין ניקאַראַגואַ, ווען דיא פראַנצויזישע קאָמפּאַניע וואָלט שליסליך ניט נאָכגעגעבען צו פערקויפען אַלע איהרע רעכטע מיט דיא מאשינען א. ז. וו. פאר 40 מיליאָן דאָלאַר.

ווען מען האָט נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען אָפּגעמאַכט פון וועג דיא פראַנצויזישע קאָמפּאַניע, האָט מען זיך גענומען צו קאָלאָמביא. וואָלט דיא אמעריקאַנער רעגירונג בלויז געהאַט

אין אויג ריינע קאָמערציעלע פאָרדערונגען, וואָלט מען גלייך דורכגעקומען מיט קאָלאָמביא, וועלכע איז צופרידען געוועזן צו געבען דער אמעריקאַנער רעגירונג נאָך בעסערע בעדינגונגען וויא דער פראנצויזישע קאָמפּאַניע. אָבער דיא אימפּעריאַליסטען האָבען ניט אנדערס פערלאַנגט, אז קאָלאָמביא זאָל ניט נאָר אָפּגעבען דעם קאנאל אויף אייביגע ארענדע, זאָנדערן אויך מיילען־ברייטע פּאַסען לאַנד ביי ביידע זייטען פון קאנאל. דאָס האָט איינפאַך געהייסען, אז קאָלאָמביא זאָל אָבגעבען א טהייל פון איהר לאַנד, גראָדע דעם וויכטיגסטען און טהייערסטען פונקט, צו א פרעמדע מדינה; דאָס האָט געהייסען זעלבסט־פערניכטונג פאר דיזע אזוי אויך קליינע און שוואכע רעפּובליק, שוין ניט רייךענדיג פון א בעליידיגונג פאר איהר נאַציאָנאַלע עהרע. ווען דיא רעגירונג פון קאָלאָמביא וואָלט בעוויליגט דעם אונערהערטען פערלאַנג פון דער אמעריקאנער רעגירונג, וואָלט דאָס פאָלק אזוי הויך און פייערדיג פּראָטעסטירט, אז עס וואָלט געקומען צו א נייע רעוואָלוציאָן. יעדענפאַלס, וואָלט דיא קאָלאָמביאַנער רעגירונג געמוזט ברעכען דיא קאָנסטיטוציאָן פון לאַנד, אום צו קענען אויף א מעהר אָדער ווייניגער געזעצליכען וועג אָפּגעבען דעם איסטהמוס צו דיא פעראייניגטע שטאַאַטען, דען דיא קאָנסטיטוציאָן פערביטעט אזעלכע זאכען.

דיא קאָלאָמביאַנער האָבען מיט רעכט געפרעגט: צו וואָס דאַרף דיא אמעריקאַנער רעגירונג ניט אנדערס נייע פּריווילעגיען? קען זיא דען ניט גראָבען דעם קאנאל אויף דיא זעלבע בעדינגונגען וויא דיא פראנצויזישע קאָמפּאַניע? איז זיא דען ניט גענוג שטאַרק צו בעשיצען דעם קאנאל, ווען עס וועלען נאָר פאָרקומען שטערונגען? ווארום פערלאַנגט זיא דוקא צו בויען פעסטונגען אויף דעם וועג פון קאנאל און נאָך דערצו גרויסע שטיקער לאַנד ביי ביידע זייטען פון דעם וואסער־וועג? האָבען דען ניט אלע נאַצאָנען אן אינטערעס, אז דער פאַנאַמאַ־קאנאל זאָל זיין אזוי אינטערנאַציאָנאַל וויא דער זועץ־קאנאל? גאַראַנטירט דען ניט דיא אמעריקאַנער רעגירונג זעלבסט גלייכע רעכטע פאר דיא שיפען פון אלע לענדער? ווען מען זאָל אין דער צייט פון א רעוואָלוציאָן אונטערברעכען דעם האנדעל אויף דיזען אינטערנאַציאָנאַלען וואסערוועג, וועלען דאָך אלע לענדער אָהן אויסנאַהמען שטיצען דיא פעראייניגטע שטאַאַטען אָנצוהאַלטען דאָרטען אָרדנונג — היינט ווארום וויל דיא אמעריקאַנער רעגירונג איינפאַך צונעהמען דעם פאַנאַמאַ־איסטהמוס?

זיי האָבען געשטעלט א סך אנדערע אזעלכע קשיות און האָבען געבעטען, אז דיא אמעריקאַנער רעגירונג זאָל ניט מאכען אזעלכע פאָרדערונגען, וועלכע זיינען איינפאַך א בעליידיגונג פאר זייער לאַנד. אָבער דיא אמעריקאַנער אימפּעריאַליסטען האָבען ניט געוואָלט הערען פון אירגענד וועלכע ענדערונג אין זייערע פאָרדערונגען, ווייל זיי זיינען געוועזן זיכער, אז זיי וועלען אלעס אויספיהרען. דיזע זיכערהייט האָבען זיי געקראָגען, ווען דיא מאַכערס פון דער פראנצויזישער קאָמפּאַניע האָבען פערשפּראָכען מיטצוהעלפען אין א „רעוואָלוציאָן" און שאַפען א רעפּובליק איז פאַנאַמאַ, ווען דער קאָלאָמביאַנער קאָנגרעס וועט זיך ענטזאָגען אָפּצוגעבען דעם איסטהמוס אויף אייביגע ארענדע צו דיא פעראייניגטע שטאַאַטען. דיא מאַכערס פון דער פראנצויזישער קאנאל־קאָמפּאַניע האָבען געוואָלט ארויסקריגען דיא 40 מיליאָן דאָלאַר און האָבען טאַקע געהאָלפען דיא אמעריקאַנער מאַכערס אין דער קאָנספּיראַציאָן געגען דיא אָרימע קאָלאָמביא. איינער פון דיזע פראנצויזען איז יעצט דער „אמבאַסאַדאָר" פון דער פאַנאַמאַ־רעפּובליק אין וואַשינגטאָן.

מען האָט נור געוואַרט, אז דער קאָלאָמביאַנער קאָנגרעס זאָל פערוואַרפען דיא אמעריקאַנער פאָרדערונגען, אום צו פאַבריצירען א נייע רעפּובליק, מיט וועלכע מען וועט קענען מאַכען, וואָס מען וויל. אזוי וויא מען איז געוועזן זיכער, אז דער קאָלאָמביאַנער קאָנגרעס וועט פריוויליג ניט אוועקשענקען צו אָנקעל סעם דעם איסטהמוס פאר 10 מיליאָן דאָלאַר בעלוינונג (דער אמעריקאַנער קאָנגרעס האָט זיך ענטזאָגט מעהר צו געבען), האָבען דיא פאַראינטערעסירטע אמעריקאַנער און פראנצויזישע פאַנאַמיסטען אלעס פאָרבערייטעט צו דער „רעוואָלוציאָן" אין פאַנאַמאַ, און ווי נאָר די ענטזאָגונג פון קאָלאָמביאַנער קאָנגרעס איז בעקאַנט געוואָרען, האָט מען דיא קאָנספּיראַציאָן געגען קאָלאָמביא אויסגעפיהרט מיט דער הילפע פון אמעריקאַנער קריעגשיפען.

דיא אמעריקאַנער רעגירונג האָט גאַנץ גוט געוואוסט פון דיזער קאָנספּיראַציאָן. זיא איז געוועזן צוגעגרייט צו העלפען דיא פאַנאַמער חברה, וועלכע דיא אמעריקאַנער פינאַנסיסטען

האָבען אויסגעקליבען פאר דיא פערטרעטער פון דער נייער רעפובליק. קריעגשיפען זיינען געשטאַנען אין פּאָרטען, און ים־סאָלדאטען זיינען געוועזן פערטיג צו לאנדען נאָך א סיגנאל פון דיא פערשווערער. אלעס איז צוגעאנגגען וויא געשמירט, דען דיא 10 מיליאָן דאָלאר, וואָס דיא פעראייניגטע שטאַאטען האָבען פערשפּראָכען צו בעצאָהלען פאר דעם קאנאל, זיינען געוועזן דער שטאַרקסטער מאגנעט פאר דיא פּאנאמער „רעוואָלוציאָנערען.“ וויא בעוואוסט, צעהלט דיא גאנצע פּאנאמער רעפובליק 300 טויזענד נפשות. דיא מייסטע פון זיי זיינען אינדיאנער, וועלכע ווילען אפילו ניט צולאָזען צו זיך ווייסע מענשען. דאָס לאנד איז בעוואקסען מיט טראָפּישע וועלדער, וועלכע מאכען נאָך שווערער דיא וועגען דורך דיא הויכע בערג און טיעפע טהאָלען. דיא ווייסע בעפעלקערונג געפינט זיך הויפּטזעכליך אין קאָלאָן און פּאנאמא. מייסטענס זיינען זיי פּרעמדע, וועלכע זיינען געקומען זוכען גליק: אמעריקאנער, פּראנצויזען, איטאַליענער, דייטשען און ענגלענדער. זיי זיינען נאַטירליך פאַראינטערעסירט, אז דער קאנאל זאָל וואָס גיכער פּערטיג ווערען, און זיי האָבען עס געהאָלפען דיא אמעריקאנער אימפּעריאליסטען און פּאנאמיסטען צו פּערכאַפּען דעם איסטהמוס; זיי זיינען עס יעצט דיא „הערשער“ פון דער רעפובליק, וועלכע אָנקעל סעם האַלט אין זיין ברייטע קעשענע; זיי ווילען עס אָפּלעקען דעם פעטסטען ביינדעל פון דיא פּערשפּראָכענע 10 מיליאָן דאָלאר.

אין וואשינגטאָן האָט מען נאָר געוואָרט אויף דיא ערשטע נאכריכט, דאָס דיא קאָנספּיראציאָן איז געלונגען, דאָס דיא געפּלאנעוועטע „רעוואָלוציאָן“ האָט אויסגעבראָכען און דיא פּאַפּירענע פּאנאמער רעפובליק איז מיט מזל געבאָרען געוואָרען. וויא נאָר מען האָט ערהאלטען דיזע זיסע בשורה, האָט דיא אמעריקאנער רעגירונג גלייך *אנערקענט* דיא נייע רעפובליק, אָבוואָהל דאָס איז געגען דיא אינטערנאַציאָנאַלע מנהגים אין דער דיפּלאָמאַטיע. מען האָט קיינע צערעמאָניעס ניט געמאכט, דען קאָלאָמביא איז א שוואכע רעפובליק, און שטאַרקע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען האָבען שוואכע פעלקער אין דער ערד. מען האָט זיך זעהר געאיילט צו בעשיצען דיא נייע רעפובליק, טאָמער וועלען קאָלאָמביאנער סאָלדאטען אונטערקומען און מאכען א קורצען סוף פון דער גאנצער „רעוואָלוציאָן.“ ווען דיא קאָלומביא וואָלט נאָך יעצט געקענט צושיקען סאָלדאטען נאָך פּאנאמא, וואָלט פון דער גאנצער רעפובליק געבליבען נאָר א געדרעכענים אין דער געשיכטע. אין א פּאָר שטונדען וואָלט מען געקענט פערפּאַקען דיא גאנצע „רעגירונג“ פון דער נייער רעפובליק אויף איין קליינע שיף און אוועקפיהרען אָפּגעבען א רעכנונג פאר דעם נידערטרעכטיגען פערראַטה.

דאָס וואָלט געוועזן א שרעקליכער פּאטש אין פנים דער אמעריקאנער רעגירונג און בעזאָנדערס פּרעזידענט רוזוועלט, וועלכער האָט געשטעקט אין דיזער טראַגיקאָמעדיע מיט דיא הענד און פיס. אום דאָס ניט צו דערלאָזען, האָט מען פון וואשינגטאָן גלייך ארויסגעשיקט א בעפעהל, אז אמעריקאנער קריעגשיפען זאָלען בעוואכען דיא ברעגעס, אום קיין איינציגער קאָלאָמביאנער סאָלדאט זאָל ניט קענען זיך אריינכאַפּען אין פּאנאמא. שטיצענדיג זיך אויף דער מאכט פון איהרע קאַנאָנען, האָט זיך דיא אמעריקאנער רעגירונג אויך גענומען דאָס רעכט (מאכט איז רעכט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט) צו פעריאָגען דיא יעניגע, וואָס האָבען נאָך דיא אינטערנאַציאָנאַלע געזעצע דאָס פולע רעכט צו אונטערדריקען דיא „רעוואָלוציאָן“, וועלכע זיא אַליין האָט ארויסגערופען. ווען אַן אייראָפּעאישע מאכט וואָלט בעגאנגען אַזעלכע געמיינהייטען, וואָס פאר גוואלדען מען וואָלט עס געמאכט אין אַלע ווינקעלאָך פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען, וויא פיעל מאָל וואָלט מען עס דערמאָנט דיא מאָנראָ־דאָקטרין, אויב מען וואָלט ניט געקראָכען אין א מלחמה צו בעשיצען דעם שוואכען שכן געגען דיא ברוטאַלע אנגרייפער! אָבער דער רבי מעג — אָנקעל סעם האָט איין מאָראל פאר זיך און אַן אנדערע פאר אנדערע, וויא אַלע שטאַרקע מלוכות, און זיין צבועצ׳סטווע איז אַזוי גרויס און ברייט וויא זיין קעשענע. און ווייטער — געזונד זאָל זיין דער תירוץ: דיא פּאנאמער האָבען דאָך „אַליין“ געמאכט א רעוואָלוציאָן געגען קאָלאָמביא און געגרינדעט אַן „אונאבהענגיגע„ רעפובליק. אַי דיזע גרויסע רעפובליק וועט מען נאָך ווער ווייסט וויא לאנג מוזען בעשיצען מיט אמעריקאנער קריעגשפען, וועלכע שווימען ארום ביי דיא ברעגעס און לאנדען סאָלדאטען, אום ניט צוצולאָזען קאָלאָמביאנער סאָלדאטען — בלייבט א קשיא.

אָט אויף אַזא אַרט האָט עס דער דאָלאַרגאָט צוגעשיקט דעם גאָטספּאָרכטיגען אָנקעל

פעם, אזא אינדיק אויף טהענקסגיווינג דעי, וויא אויף דער ביילייגענדער פּאָרטרעפליכער קאַרי־קאַטור פון א קאַנאַדער צייטונג.



מיט׳ן שווערד פון דער פּאַבריצירטער פּאַנאַ־מער רעוואָלוציאָן האָט ער שוין דערלאַנגט א שניט אין דער האַלז פון דער נייער וועלט. גאַנץ אמעריקא ליגט צו זיינע פיס, וויא אַ געבונדענער אינדיק — וועט ער קענען אויפפרעסען איהר אין גאַנצען, ווען ער וועט שוין אָפּשניידען איהר דיא האַלז דורך דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל? ווער ווייסט — פיליכט וועט ער זיך נאָך דערשטיקען מיט דעם צו גרויסען ביסען, וועלכען ער וויל צו האַסטיג ארונטערשלינגען.

דיא פּאַנאַמאַ־קאַנאַל־פראגע איז נאָך יעדענ־פאַלס ניט צו ענדע, אָבוואָהל דיא „רעוואָלוציאָ־נערען" פון דער נייער רעפּובליק האָבען נאַטיר־ליך גלייך בעוויליגט אַלע פאָדערונגען פון דיא אמעריקאַנער אימפּעריאַליסטען. עס זיינען נאָך פערבליבען גענוג שוויריגקייטען אין וועג, און דיא אָרימע קאָלאָמביא, וועלכע סטראַ׳טעט צו בעפאַלען פּאַנאַמאַ, ניט אכטענדיג אויף דיא אמעריקאַנער קריעגשיפען, האָט נאָך דאָס לעצ־טע וואָרט ניט געזאָגט. מיר וועלען נאָך אויף האָבען צו ריידען וועגען דעם אין דיא נעכסטע נומערן „צוקונפט".

פּאָליטיקוס.

# פון מיין טאָגע בוך.

1.

כ׳האָב רוסלאַנד פערלאָזען: דיא טויזענדע קייטען
אָ, האָבען מיין גייסט און מיין קערפּער געדריקט;
דער אויר פון גהעטאָ, וואָס איך האָב געאטהעמט,
האָט מיך שיער דערשטיקט...

כ׳האָב רוסלאַנד פערלאָזען: פון צרות, פון ליידען
בין איך דאָרט געוואָרען פער׳חושך׳ט און מיד;
וואו איך בין געגאַנגען, האָט שטענדיג געקלונגען:
„דו ביזט נאָר א איד!"...

„דו ביזט נאָר אַ אידליאַק! ס׳הייסט: פּשוט אַ גאָרנישט,
און יעדערער קען מיט דיר טהאָן וואָס ער וויל;
און ווילסט דו ניט ליידען? — געה שריי הי וקים
און וויין אין דער שטיל...

כ'האָב רוסלאַנד פערלאָזען, נאָר, גלויבט מיר, — מיין נשמה,
אָ, פרידערלאַך מיינע, איז יעצט אויך ביי אייך;
מיין „איך," מיינע קינות, מיין טרויסט, מיינע ליעדער
געהערען נאָר אייך...

און גאָט איז מיין עדות, אז אויך אין דעם פרייען
און דופטענדען פעלד און אין פארק, וואו ס'איז גוט,
דערמאָהן איך מיט טהרערען דיא ביטערע לאַגע,
דיא נויטה און דעם קנוט...

אין וואלד, אין דעם גרינעם, בין איך אָפט מתפלל:
אָ, רעט, גאָט, דיין פאָלק פון ראָמאַנאָוו'ס געוואלט!
מיר דאכט דאן — פון אויבען דערהער איך אן עכאָ,
שטארק קלינגענד: „זיא פאלט!"...

.2

אין רוסלאַנד דער קאַלטער, וואָס איז דורכגעקנאָטעט
אין בלוט און טרעהרען,
אין מדינת ניקאָלאי, וואו טורמעס פערשטעלען
דיא זון מיט דיא שטערען;

אין רוסלאַנד דער קאַלטער, וואו פרייהייט'ס אַלטאַרען
דאָרט זיינען פערהאנגען
מיט גאָלדענע צלמים, מיט בלישטשענדע שווערדען,
וואמפּירען און שלאַנגען;

וואו ס'ווערען גענומען פון ריעזיגע וועלדער
דיא בוימער אויף תליות,
און פריידענקער העגגט מען אויף זיי אָהן רחמנות —
און רוסלאַנד קלייבט חיות...

אין מדינת ראָמאַנאָוו, מיין טהייערער חבר,
האָב איך, אָ, פערבראכט מיינע יאָהרען;
דעם מאי פון מיין לעבען, דיא זיסע הלומות
האָב איך דאָרט אויף עוויג פערלאָרען!...

נאָר יעצט האָב איך רוסלאַנד פערלאָזען אויף אימער,
איך האָב איהר געזאָגט שוין מיין לעצטען „גוד באי"...
זעה שרייב מיר איך בעט דיך, וויא לעבט מען יעצט דאָרטען?
איז מעגליך צו האָפען — דאָרט אָטהעמען פריי?...

יהזקאל לעווית.

# דיא צוקונפט פון כעמיע.

איך האָב דאָ, פערשטעהט זיך, ניט בדעה צו זאָגען נ ב י א ו ת, וואָס מיט דער כעמיע וועט זיין אין דער וויטער צוקונפט.

דיא נאטור - ווי סענשאפט, וועלכע ווייסט נור פון אייביגע, פעסטע נאטור־געזעטצען, וועלכע איז אין איהר עצם געגען נסים און געגען נביאות בכלל (אין דעם זין וויא מען געברויכט געוועהנליך דאָס וואָרט „נביאות“) קען, פערשטעהט זיך, „דיא קונסט פון נביאות“ גאָר ניט האָבען, און דער שרייבער פון דיזע צייליען, אלס א נאטור־וויסענשאפטלער, איז דעריבער וויט פון א נביא, וויא דער הימעל פון דער ערד.

אין דעם פאָלגענדען ארטיקעל וויל איך בלויז בעטראכטען איינינע מערקווירדיגע נייעסען, וואָס דיא כעמיע האָט דיא לעצטע צייט בעוויזען און מיט דעם צייגען דעם וועג מיט וועלכען דיא כעמיע געהט פאָרווערטס, בייקומענדיג אויף יעדען טריט און שריט פיעלע שווערע מניעות און נאָכמאכענדיג דער גרויסער קינסטלערין, דער נאטור, וואָס וויטער, אלץ מעהר און מעהר.

דיא כמיע איז איצט שוין ניט מעהר „די דונקלע, שווארצע וויסענשאפט“ (דאָס וואָרט „כעמיע“ שטאמט פון מצרים לשון און עס בעדייטעט „שווארץ“), וואָס זיא איז געוועזן אמאָל, ווען נאָר יחידי סגולה האָבען געוואוסט פון איהר און ווען אויך פאר זיי איז זיא געוועזן הויפטזעכליך פארהאנגען מיט א דונקלען, שווארצען שלייער. אונז מענשען פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט, איז אין דער כעמיע נאָר דאָס „שווארצע“ וואָרט (כעמיע) פערבליבען בירושה פון אונזערע אבות אבותנו, דיא וויסענשאפט זעלבסט אָבער איז היינט קלאָר און דייטליך, וויא דיא העלע זון, און פאר דיא ספעציאליסטען אין דער כעמיע זיינען פיעלע בעצם טיעפע ד ו נ ק ע ל ע סודות פון דער נאטור איצט, מיט דער הילף פון דער „דונקעלער“ וויסענשאפט, ענטפּלעקט און קלאָר געוואָרען.

וועגען איינינע אזוינע נאטור־סודות, וואָס דיא כעמיע האָט אין דער לעצטער צייט ענטפּלעקט, וויל איך אין מיינע וויטערע אויספיהרונגען רעדען.

* * *

ניט לאנג האָבען אלע גרויסע צייטונגען פאנאנדערגעטראָגען איבער דער גאנצער וועלט דעם גרויסען סוד, וואָס דער גרויסער כעמיקער עמיל פישער האָט נאָך א לאנגיעהריגער ארבייט ארויסגעריסען ביי דער הארטנעקיגער נאטור. ער, עמיל פישער, האָט אין זיין וועלט־בעריהמטען לאבאָראטאָריום אין בערלין, געמאכט אזוינע פּראָדוקטען, וואָס ביז איצט האָט עס געקענט מאכען נור דיא וואונדערבארע נאטור אין איהר וואונדערבארען לאבאָראטאָריום: „וועלט“. דיא פּראָדוקטען הייסען „קאָפפעין“ און „טהעאָבראָמין“. דיא הויפּט־שטאָפען, וועלכע עס געפינען זיך אין דער קאפפע (קאָפפעין) און אין דעם קאקאָא (טהעאבראָמין), און וועלכע עס געבען זיי צו זייער אייגענטהימליכען טעם, זייער גוטען ריח און זייער עררעגענדע ווירקונג אויף דיא מענשליכע נערווען. (וויא יעדער ווייס פון געוועהנליכען לעבען — נאָך א שטארקער טאסע קאפפע שלאָפט זיך ניט, נאָך א פּאָר טאסען גוטען קאקאָא פיהלט מען זיך מונטערער און פרישער א. ד. ג.). זיין גרויסע ענטדעקונג, אָדער ריכטיגער געזאָגט, דעם פּאטענט אויף זיין ענטדעקונג האָבען ביי איהם די גרויס־קאפּיטאליסטען פון דייטשלאנד אָבגעקויפט, און מיר וועלען אלע באלד האָבען דיא מעגליכקייט צו ברויכען קינסטליכע קאפפע און קאקאָא, וויא מיר קענען איצט ברויכען קינסטליכע צוקער, אָנשטאָט דאָס „זיסע זאלץ“ וואָס אונזערע אור־עלטערן פלעגען בעקומען פון דיא זיסע פּירות.

עמיל פישער האָט דיא צוויי דערמאָנטע טהייערסטע פּראָדוקטען ארויסגעצויגען פון א זעהר ביליגען פּראָדוקט, וואָס מען קען זעהר

לייכט מאכען אין גרויסע מענגען, דער פּראָדוקט הייסט „האַרן־זויערע„ (ווייל ער געפינט זיך אויך אין הארן, ד. ה. השתנה), און הגם אלע כעמיקער וויסען שוין גאנץ לאנג, אז קאפפעין און טהעאבראמין זיינען זעהר נאָהענטע קרובים („פער־וואנדט"), וויא דיא כעמיקער זאָגען) צו דער אל־טער בעקאנטער האַרן־זויערע, פון דעסטוועגען האָט עס ביז איצט נאָך קיינער ניט געקענט קינסטליך פון דער האַרן־זויערע ארויסקריגען.

אזא מין קינסטליכע דארשטעלונג פון א כעמישען פּראָדוקט אויס איינפאכע בעקאנטערע פּראָדוקטען, וועלכע עס קענען לייכט געמאכט ווערען פון דיא עלעמענטען, וויא אין אונזער פאל דער קאפפעין פון דער האַרן־זויערע און דיא הארן־זויערע פון דיא עלעמענטען, רופט זיך אין דער כעמיע „סינטעזע" און דיא ענטדעקונג פון עמיל פישער רופט זיך דעריבער „דיא סינטעזע פון קאפפעין און טהעאבראמין".

סינטעזען מאכען איז דער שווערסטער טהייל אין דער כעמיע, ניט בערך שווערער איידער דיא אנאליזען (דיא צוגלידערונג פון א קערפּער אין זיינע עלעמענטען); פונקט וויא אין דעם אלטעגליכען לעבען איז דאָס אויפבויען ניט בערך שווערער איידער דאָס פאנאנדער־ווארפען.

דורך סינטעזען פלעגט דיא כעמיע פריהער נאָר קענען צוזאמענזעצען קינסטליך אזעלכע שטאָפען וואָס קומען אין דער נאטור פאָר אין זאכען וואָס האָבען קיין מאָל ניט קיין שום לע־בען אין זיך („דוממים„) — אזעלכע זאכען וואָס ווערען אָנגערופען „אנאָרגאנישע" (ניט אָרגא־נישע). אָבער דיא שטאָפען וואָס דיא נאטור ברענגט נאָר ארויס אין זאכען וואָס לעבען און וואקסען — וואָס מען רופט „אָרגאנישע זאכען" — וויא לעבעדיגע בעשעפעניסען און געוויקסען (בעלי חיים וצמחים) — אזעלכע שטאָפען האָט מען פריהער כעמייש ניט געקענט נאָכמאכען דורך סינטעזען. נאָר סך הכל מיט 75 יאָהר צוריק האָט מען ניט אָנגעהויבען וויסען פון נאָכמאכען כעמייש האָניג, צוקער, וואקס, גליצע־רין, שפּירוט, עסיג, פעט און כדומה, כאָטש מען האָט שוין זעהר לייכט געקענט מאכען דורך כע־מיישע סינטעזען זאלץ, גיפּס, וואסער, שוועבעל־זויערע, קרייד, קאלך און אנדערע זאכען וואָס אין דער נאטור קומען זיי פאָר ניט ביי זאכען וואָס לעבען און וואקסען.

פארוואָס אָבער זאָל מען ניט קענען נאָכ־מאכען קיין אָרגאנישע זאכען? פון וואָס פיעלע אָרגאנישע זאכען זיינען צוזאמענגעזעצט האָבען דיא כעמיקער געוואוסט דורך אנאליזע (פונאנ־דערנעהמען שטאָפען — וואָס איז, וויא געזאָגט, א סך לייכטער וויא צוזאמענשטעלען). טאָ פאר וואָס זאָל מען בשום אופן ניט קענען צוזאמענ־זעצען אזא שטאָף? אויף דעם האָבען דיא כע־מיקער פון יענע נאָך גאָר ניט אלטע צייט גע־מאכט אזא סברה: אמת, דורך אנאליזע געפינען מיר אויס פון וועלכע שטאָפען עס זיינען צוזא־מענגעזעצט אויך אָרגאנישע קערפּערס (זאכען). אָבער דאָס זיינען נאָר זייערע „גשמיותדיגע" שטאָפען; דיזע שטאָפען אליין וואָלטען אָבער ניט געקענט מאכען דיא זאך לעבען און וואקסען. דיא „לעבענס־קראפט" איז דעריבער עפּעס א בעזונדערער סעקרעטנער רוחניות'דיגער עלע־מענט, וואָס שטעקט אין אָרגאנישע זאכען, און דאָס קען דיא מענשליכע וויסענשאפט, דיא כעמיע, ניט נאָכמאכען. דעריבער קען קיין סינ־טעזע פון אן אָרגאנישען שטאָף ניט געמאכט ווערען.

זיי האָבען דעריבער איינגעטהיילט אללע שטאָפען אין „אָרגאנישע", דאָס הייסט אזעלכע וואָס קומען נאָר פון זאכען וואָס האָבען (אָדער האָבען געהאט) אין זיך דיא געהיימניספאָלע „לעבענסקראפט", — און „אנאָרגאנישע", דיא וואָס האָבען קיין מאָל מיט אזא קראפט קיין שייכות ניט געהאט. און מיט דיזע איינטהיי־לונג האָט זיך דיא וויסענשאפט בערוהיגט אויף א צייט מיט יאָהרען.

דיעזע סברה רופט מען דיא „לעבענס־קראפט־טהעאָריע", אָדער „וויטאליסטישע טהע־אָריע".

דיעזע זאָגענאנטע לעבענס־קראפט טהע־אָריע אָדער „דיא וויטאליסטישע טהעאָריע" האָט אָבער קיין זעהר לאנגען לעבען ניט געהאט. (הגם מאנכע נאטורפאָרשער סטארען זיך אין דער לעצטער צייט זיא ווידער אָבצולעבען, אונ־טער דעם נאָמען „נעאָ־וויטאליזמוס" אָדער נעאָ־וויטאליסטישע טהעאָריע, נייע לעבענס־קראפט־טהעאָריע. אָבער דער ווייט גרעסטער רוב פון דיא בעדייטענדסטע נאטורפאָרשער פון אונזער צייט ווילען פון איהר ניט וויסען, און מיר קענען זיא גיכער האלטען פאר געשטאָרבען). דעם ערסטען טויט־קלאפּ האָט איהר געגעבען פריעדריך וועהלער, א דייטשער פּראָפעסאָר, וועלכער עס האָט אין 1828 יאָהר קינסטליך אין

זיין לאבאָראטאָריום אין געטטינגען דארגעשטעלט אזא פּראָדוקט, וואָס ביז איהם האָבען איהם פּראָדוצירט בלויז לעבעדיגע ברואים. דער פּראָדוקט הייסט האר־שטאָף, א שטאָף. וואָס געפינט זיך אין דער השתנה פון מענשען (ערך 30 גראם א טאָג), פון וועלכען דיא כעמיע האָט געוואוסט נאָך מיט פופציג יאָהר פריהער איידער וועהלער האָט אויסגעפיהרט זיין בעריהמטע האַרן־שטאָף־סינטעזע“.

דיא דאָזיגע סינטעזע פון וועהלער האָט אין דער זאָגענאנטער אָרגאנישער כעמיע. ד. ה. אין דער כעמיע, וועלכע עס בעשעפטיגט זיך מיט אָרגאנישע פערבינדונגען, געמאכט א פּאָלל־שטענדיגע רעוואָלוציאָן. סטייטש, א קערפּער, וואָס דער מענשליכער אָרגאניזמוס פּראָדוצירט אין זיין קינסטליכען בעהאלטענעם לאבאָראטאָריום, — אין דיא נירען, האָט מען גענומען און נאָכגעמאכט אין א פּשוט'ן לאבאָראטאָריום אין גלעזערנע רעטאָרטען, אין פּאָרצעלייענע שיסלען! וואו איז דען דיא לעבענס־קראפּט? די עלטערע נאטור־פאָרשער איז דיא מעשה שטארק ניט אָנגעשטאנען און זיי האָבען זיך נאָך יאָהרען לאנג געהאמפּערט געגען דיא נייע, געגען די געגנער פון דער וויטאליסטישער טהעאָריע. זיי האָבען זיך געסטארעט מיט פּשט'לאך און מיט דריידלאך צו שטיצען וויא עס איז דיא אלטע, אייגענטליך שוין אָבגעלעבטע, „לעבענס־קראפּט־טהעאָריע“. אָבער פון טויט ווערט מען ניט לעבעדיג.

נאָך וועהלער'ס האַרן־שטאָף סינטעזע, איז שוין דאָס לעבען פון דיא „לעבענס־קראפּטס־סברה“ קיין לעבען ניט געוועזן. פון קוילען־שטאָף, זויער־שטאָף, וואסער־שטאָף און שטיק־שטאָף, אלעס פּשוט'ע עלעמענטען פון דער „דומם“ וועלט אָהן א שום לעבענס־קראפּט, האָט יעדער כעמיקער געקענט ביי זיך אין לאבאראטאָריום אין פּשוט'ע גלעזלאך און פלעשלאך מאכען פונקט דעם זעלביגען „אָרגאנישען“ שטאָף, וואָס דיא וואונדערבארע „לעבענס־קראפּט“ האָט ביז איצט נאָר געקענט מאכען אין דיא מענשליכע נירען. וועהלער'ס האַרן־שטאָף סינטעזע איז אָבער געוועזן דער ערשטער שוואכער שריט אויף דעם גרויסען טריאומף־וועג פון דיא ווייטערע אָרגאנישע סינטעזען.

מיט איינינע יאָהר שפּעטער האָט קאָלבע בעקאנט געמאכט דיא וועלט מיט זיין „עססיג־סינטעזע“.

עסיג איז שוין דער וועלט זעהר לאנג בעקאנט. „חומץ־בן יין“ אָדער אויף פּשוט אידיש „וויין־עסיג“ געפינען מיר נאָך אין תלמוד און אויך אין דיא אלטע רוימישע און גריכשע ביכער, פון וועלכע עלעמענטען דער עסיג, אָדער וויא מען רופט עס וויסענשאפטליך, דיא עסיג־זויערע, בעשטעהט, האָט מען שוין אייגענטליך זעהר גוט געוואוסט נאָך גאָר אין אָנהויב פון דעם ניינצעהנטען יאהרהונדערט. דורך דער אנאליזע פון עסיג, וועלכע בערצעליוס האָט געמאכט. אָבער, וויא איך האָב שוין פריהער דערמאָנט, איז פון אן אנאליזע ביז א סינטעזע זעהר א גרויסער אונטערשיעד; און עס געהט געוועהנליך דורך היבשע עטליכע יאָהרען ביז עס ווערט געמאכט דיא סינטעזען פון דעם קערפּער, וועלכער איז שוין גוט און ריכטיג אנאליזירט געוואָרען.

און אָט אזוי האָט שוין געדויערט עטליכע צעהנדליג יאָהרען פון בערצעליוס אנאליזע ביז קאָלבעס סינטעזע פון דעם זעהר אלטען פּראָדוקט: עסיג.

קאָלבע האָט דיא עסיג־זויערע, אָדער דעם עסיג געמאכט פון דריי פּשוט'ע עלעמענטען: פון קוילען־שטאָף, וואסער־שטאָף און זויער־שטאָף. (אייגענטליך האָט ער צו זיין סינטעזע אלס הילפּסמיטעל בענוצט נאָך אנדערע שטאָפען, אָבער זיי האָבען געשפּיעלט נור א הילפּס־ראָלע, וויא למשל, א צוואנג ביים שמידען. אין דעם עצם עסיג זיינען זיי ניט אריין.) דאָס איז געוועזן נאָך א גרעסער קלאַפּ פאר דיא „לעבענס־קראפּט־טהעאָריע“, ווייל דער עסיג איז א סך בעקאנטער דעם פּובליקום איידער דער האַרן־שטאָף און דיא וועלט האָט זיך דערמיט פיעל מעהר אינטערעסירט. דערצו איז דער עסיג א פּראָדוקט וואָס מען ברויכט אלס א שפּייז, א נאהרונגס־מיטעל, אָדער גענויער, א גענוסס־מיטעל (דיא טרינקען־און עססען־זאכען ווערען איינגעטהיילט אין צוויי קלאסען: נאהרונגס־מיטעל: אזוינע מאכלים און משקאות, אָהן וועלכע א מענש קען ניט אויסקומען, וויא למשל ברויט, פלייש, וואסער — און גענוסס־מיטעל, אזוינע, וועלכע עס ווירקען נור אויף זיינע נערווען, אויף זיין אַפּעטיט, וויא למשל: אלקאָהאָל, זאלץ, פעפער א. ד. ג. עס איז אָבער נאָך ניט דורכגעפיהרט געוואָרען קיין גענויע גרענצע צווישען דיאביידע קלאסען מאכלים און געטרענקע און איך וועל דאָ דעריבער ברויכען

דאָס וואָרט „נאהרונגס־מיטעל“ פיר אלע פראָדוקטען, וועלכע דער מענש ברויכט צום עסען אָדער צום טרינקען).

דיא סינטעזע פון עסיג איז דיא ערשטע קינסטליכע כעמישע בעשאַפונג פון א נאהרונגס־מיטעל.

באלד נאָך דעם עסיג האָט דער געניאלער פראנצויזישער כעמיקער בערטלאָ געמאט דיא סינטעזע פון אלקאָהאָל.

אלקאָהאָל, דער שטאָף וואָס געפינט זיך אין וויין, ביער, שנאַפּס און נאָך אנדערע משקאות, פון וועלכע מען ווערט שכור, איז אין דער מענשליכער געזעלשאפט שוין זעהר און זעהר איין אלטער און א בעליעבטער בירגער. נאָך אין חומש געפינען מיר איהם. שוין לוט׳ס טעכטער האָבען איהם געקענט און געוואוסט זיין ווירקונג.... און נאָך פריהער פאר זיי האָט שוין איהם אונזער עלטער־עלטער זיידע נח געברויכט. פון דאמאָלס אָן ביז לאוואזיע׳ס צייטען האָט דער עולם געטרונקען דאָס „לעבענס־וואסער“ (אזוי האָט מען גערופען דעם אלקאָהאָל אין דער צייט פון דער אללכעמיע) ניט וויסענדיג פון וועלכע פשוט׳ע עלעמענטען דיא דאָזיגע „טהייערע משקה“ בעשטעהט, און זינט לאוואזיע׳ס אלקאָהאָל־אַנאליזע ביז בערטלאָ׳ס סינטעזע איז ווידער דורכגעגאנגען איבער א האלבע מאה יאָהרען!

בערטלאָ האָט דעם דאָזיגען באמת זעהר וויכטיגען שטאָף (א חוץ זיין אלעמען בעקאנטע ווירקונג האָט ער נאָך ספּעציעל א גרויסע בעדייטונג אין דער וויסענשאפטליכער כעמיע און מעדיצין) געמאכט ווידער טאקי פון אינזערע אלטע: בעקאנטע דריי פשוט׳ע עלעמענטען קוילען־שטאָף, זויער־שטאָף און וואסער־שטאָף.

נאָך מעהר רעש האָט אין דער כעמישער וועלט געמאכט דיא סינטעזע פון דיא פעטען וויא דיא טהירישע, למשל: פוטער, שמאלץ, סטעארין, פיש־טראָן און אנדערע. אזוי אויך דיא פפלאנצען־פעטען, וויא למשל, בוים־אייל, אליווען־אויל, קאָקוס־נוס אויל און אויך דיא פשוט׳ע שמיר־איילען א. ד. ג.

דיא פעטען זיינען לכל הדעות זעהר א נויטיגע נאהרונגס־מיטעל. דערצו געפינען זיי זיך אין דער נאטור אין אלע פפלאנצען און אין אללע לעבעדיגע ברואים, פון דעם קלענסטען ביז דעם גרעסטען. און דיא דאָזיגע קערפּער זיינען ווידער טאקי פון דיא דריי אויבענדערמאָנטע איינפאכע עלעמענטען — קוילען־שטאָף, זויער־שטאָף און וואסער־שטאָף — אין גאָר פשוט׳ע גלעזלעך און פלעשעלעך סינטעטיש געמאכט געוואָרען!

נאָך דער סינטעזע פון דיא פעטען איז דיא אלטע „לעבנס־קראפט־טהעאָריע“ אין גאנצען אָבגעשטאָרבען, און פאר דיא כעמיע איז דאָס געווען א סטאציאָן פון גרויסע האָפנונגען.

וויא באלד, אז עס איז געלונגען פון אזוינע שטאָפען, וואָס געפינען זיך אויף אונזער ערד אומעדום, און וועלכע עס קאָסטען גאָר ניט (וויא דער זויער־שטאָף, וואָס געפינט זיך אין דער לופט און אין וואסער, דער וואסער־שטאָף אין וואסער) אָדער ניט טהייער (וויא דער קוילען־שטאָף: דער הויפּט־בעשטאנד טייל פון קוילען און האָלץ) צו מאכען אזוינע וויכטיגע פּראָדוקטען וויא עסיג, אלקאָהאָל, פוטער, שמאלץ, סטעארין, וואקס, בוים־אויל א. ז. וו. ווער וויים וואָס מיט דער צייט וועט זיין? אפשר וועט מען אין א צייט ארום אויך קענען מאכען פון דיא פשוט׳ע עלעמענטען נאָך אנדערע נאָך וויכטיגערע שפּייזען. ווער וויים?.... און דיא האָפנונג האָט דיא כעמיקער טאקי ניט גענארט.

באלד נאָך דיא פעטען האָט מען ענטדעקט דיא סינטעזע פון דיא שטאָפען, וועלכע עס געפינען זיך אין פיעלע פירות, וויא למשל אין עפּעל, בארנעס, אנאנאסען, וועלכע עס גיבען זיי צו זייער גוטען ריח און דעם זויערליכען טעם; און נאָך שפּעטער האָט שוין דער אויבענדערמאָנטער עמיל פישער געפונען דיא סינטעזע פון דיא פערשיעדענע ארטען צוקער, וויא למשל: דער פרוכט־צוקער (דער צוקער, וואָס געפינט זיך אין פיעלע זיכע פרוכטען), דער טרויבען־צוקער, (דער צוקער, וואָס געפינט זיך אינוויינטרויבען, דער מילך־צוקער, (דער צוקער, וואָס געפינט זיך אין דער מילך און הויפּטזעכליך אין דער פרויען־מילך) און נאָך אנדערע, דעם גרויסען פובליקום ווייניגער בעקאנטע סאָרטען צוקער.

און אויך דער צוקער איז וויא דיא פריהער דערמאָנטע וויכטיגע נאהרונגס־מיטלען ווידער טאקי סינטעטיש געמאכט געוואָרען פון דיא דריי עלעמענטען: קוילען־שטאָף, זויער־שטאָף און וואסער־שטאָף.

צו זיין נייעסטער סינטעזע פון קאפפעין און טהעאָבראמין, וועגען וועלכער מיר האָבען גערעדט אין אָנפאנג פון אונזער ארטיקעל, האָט ער אויך געברויכט דיא זעלביגע דריי עלע־

מענטען און צו זיי נאָך א פיערטען — דעם שטיק־שטאָף.

דיא דאָזיגע פיער עלעמענטען (קוילען־שטאָף, זויער־שטאָף, וואסער־שטאָף און שטיק־שטאָף) זיינען דיא הויפּט־עלעמענטען אין דער אָרגאנישער וועלט. פון זיי בעשטעהען הויפּטזעכליך דאָס רוב אָרגאנישע קערפּער. (עס גיבען אָבער אויך זעהר פיעלע אָרגאנישע קערפער, וועלכע עס בעשטעהען פון קוילען־שטאָף מיט נאָך אנדערע עלעמענטען, וויא שוועפעל, כלאָר, בראָם א. ז. וו.)

עס איז מיר אונמעגליך דאָס אויסצורעכענען ניט נור אלע, זאָנדערן אפילו בלויז וויכטיגסטע אָרגאנישער קערפער, ערשטענס וואָלט פאר מיר זאָגאר א גאנצע העפט „צוקונפט“ וועניג געווען בלויז פאר דיא נעמען אליין, און צווייטענס וואָלט דער פשוט׳ער לעזער זיכער קיין געדולד ניט געהאט דורכצולעזען דיא דרייגאָרענדיגע משונה׳דיגע נעמען פון דיא אָרגאנישע קערפער.

איך האָב בלויז דערמאָנט דיא וויכטיגסטע נאהרונגס־מיטעל, וועלכע דיא כעמיקער קענען היינטיגען טאָג פון דיא פיער דערמאָנטע פשוט׳ע עלעמענטען מאכען.

פון דיא אנדערע וויכטיגע פּראָדוקטען, וועלכע עס בעשטעהען אויך פון דיא פיער אויבענדערמאָנטע עלעמענטען, און וועלכע עס זיינען שוין ביז היינטיגען טאָג סינטעטיש געמאכט געוואָרען, וויל איך בלויז דערמאָנען זעהר א קליינעם טהייל, וויא למשל: קעראָסין, גליצערין, וואזעלין, קארבאָל־זויער; זעהר פיעלע פארשיעדענע פארפיומען און זייפען, דיא טייערסטע רפואות וויא אויך פערשיעדענע מינים סם, דיא בעסטע פארבען, וויא אינדיגאָ, אלעצארין א. ג. א. אויך דיא עקספּלאָזיווע קערפּער, וואָס ברענגען טויזענדער מענשען טויט און אומגליק, וויא פולווער, ניטראָגליצערין און דינאמיט זיינען „אָרגאנישע קערפער„, און נאָך, און נאָך זעהר און זעהר פיעלע אנדערע.

וויא אזוי פאָרט קענען סך הכל פון פיער עלעמנטען ענטשטעהען אזוי פיעל פערשיעדענע קערפער? דאָס ווייזט אויס אין פלוג זעהר מוקשה׳דיג. אָבער בעצם איז דאָס זעהר איינפאך.

פון דיא פיער אותיות א, ב, ג, ד., קענט איהר צוזאמענשטעלען 24 פערשיעדענע ווערטער, וויא למשל, אבגד, אגדב, גבאד א. ז. וו. א. ז. וו. נעהמט אָבער ניט איין א, איין ב, איין ג. און ד, נור פון יעדען אות צו עטליכע, למשל 10 אלפ׳ס, 10 בית׳ן א. ז. וו. דאמאָלסט וועט די צאָהל פון פערשיעדענע ווערטער זיין כמעט אָהן א סוף. דאָס זעלבע איז אויך מיט דיא פיער עלעמנטען, א מאָל געפינט זיך איין עלעמענט, מעהר און דער צווייטער ווענינער (וויא אין דעם ביישפּיעל פון דיא אותיות, למשל, א וואָרט פון 5 אלפים, 3 בית׳ן, 2 גימלען און איין ד) און אמאָל אומגעקעהרט. אויך דער סדר פון דיא עלעמענטען שפּילען אין דער אָרגאנישער כעמיע א גוואלדיגע ראָללע, וויא דער סדר פון דיא אותיות אין דעם ביישפּיל פון דיא ווערטער.

* * *

דער אויפמערקזאמער לעזער וועט מיך זיכער פרעגען: וויא באלד, אז דיא אָרגאנישע קערפער קאָן מען איצט מאכען אין יעדעם לאבאָראטאָריום, פונקט וויא דיא ניט אָרגאנישע, פאר וואָס־זשע רופט מען זיי מיט איין אנדער נאָמען? וואָס זיינען זיי פאר א מיוחסים? און וואָס איז דער חילוק צווישען זיי און דיא ניט אָרגאנישער קערפער?

אויף דיא אלע שאלות וועט דער לעזער געפינען תשובות אין ווייטערע נומערן „צוקונפט“.

דערווייל אָבער וועלען מיר דאָ אָנדייטען וואָס דיא צוקונפט פון כעמיע צייגט זיך צו זיין. לויט דעם פאָרשריט איהרען אויף דעם וועג, וואָס מיר האָבען דאָ בעטראכט:

דער מענש, וויא אלץ וואָס לעבט, ווייסט מען, קען נאָר לעבען פון אויפנעהמען אין זיין קערפער אָרגאנישע שטאָפען, ד. ה. פון זאכען וואָס לעבען און וואקסען — פלאנצען און לעבעדיגע זאכען. ווען מען האָט געמיינט, אז אזעלכע שטאָפען קען נאָר בעשאפען דיא געהיימניס־פאָלע „לעבענס־קראפט“ פון דער נאטור, אָבער דער מענש מיט זיין כעמישע וויסענשאפט קען זיי בשום אופן ניט נאָכמאכען, האָט מען געמוזט אָננעהמען, אז דער מענש קען נאָר לעבען פון דעם, וואָס דיא נאטור קען איהם געבען דורך זיין שווערע ארבייט ביי איהר. יעצט אָבער, אז דיא כעמיע איז אויף דעם וועג נאָכצומאכען „אָרגאנישע שטאָפען“, גיט זיא אונז א האָפנונג, אז עס וועט קענען קומען א צייט, ווען מען וועט קענען דורך כעמישע סינטעזען לייכט צוזאמענשטעלען שפּייז פיר דעם מענשען אָהן א ברעג.

אָט דאָס איז פאָרלויפיג גאנץ בקיצור אָנגעדייטעט דיא צוקונפט פון כעמיע.

דר. י. בלומשטיין.

# יתמו חטאים.

א.

גרויס איז דעם אלטען דור'ס גרימצארן אויף דיא „אפי־קורסים“ אויף דיא „מומרים להכעים“!

„לא די, וואס איהר אליין היט ניט אפ גאטטס געבאט, לעסטערט איהר נאך דיא גאנצע אידישקייט, שטאל־צירט איהר נאך מיט אייערע טריפה'נע תענוגים, אקוראט, וויא אין זיי וואלט געלעגען א טיעפער שכל, איין ערדעלער געפיהל! שטעהט ניט דער גראבער „שטיאפקע“ העכער פאר אייך, וואס עסט אויף דעם זעלביגען חזיר, נאר בתמימות, און האלט זיך ניט פאר א משכיל, פאר א העכערע בריאה?... קורצע פאות און גי־גאלטע בערד, וואס האט דאס צו טהאן מיט השכלה? לאנגע פאות, גאנצע בערד, — וואס איז דא „נגד השכל“?

ב.

גערעכט איז דעם אלטען דור'ס טענה, אבער נאר האלב! דער „נגד השכל“ ליעגט ניט אין דער ליינג און אין דער פארם. ער ליעגט אין דעם געבאט. ער ליעגט אין דעם, וואס מע נעהמט א זאך, וואס האט אין זיך גאר קיין שום ווערדע ניט: א פאה, א שטיקעל פלייש, א בגד און מע מאכט דערפון א דין, א מצוה, א הייליגעס!

לאזט ארויס א דין אז שנייצען דיא נאז מוז מען דוקא מיט דעם „גורל“ און דעם „ימין“ ניט וויא אלע מענשען — מיט דעם „גורל“ און דעם „אצבע.“ מאכט דאס פאר א „דבר שבקדושה.“ פארבינדט דאס דורך סודות און רמזים מיט דעם פסוק: „ימין ד' רוממה, ימין ד' עושה חיל“, זייט רודף יעדען איינציגען וואס געהט ארויס פון גדר, וואס איז „פרין עול“ און שנייצט ניט דיא נאז, וויא גאט האט געבא־טען, — און איהר וועט זעהען, אז וויא נאר דער אפיקורס וועט דערזעהען, אז איהר קענט איהם מעהר גאר נישט ניט טהאן, וועט ער מיט א כיון, אויף צו להכעים „מחלל שנייץ זיין“ בפרהסיא און וועט זיך האלטען דערביי פאר א בריה...

ג.

דער פרא־אדם־שער רעליגיעזער פאנאטיז־מוס האט ארויסגערופען דעם פרא־אדם־שען אנטי־רעליגיעזען אפיקורסישען פאנאטיזמוס. ביז וואנען דאס פאלק וועט זיך ניט געוועהנען צום געדאנקען, אז הלכות בארד, הלכות פאה און הלכות וואנטש זיינען דברים המסורים אל הפאריקמאכער, אז הלכות בשר בחלב, הלכות כשר און טריפה איז א געשמאקזאך; ביז וואנען מע וועט קוקען אויף דיא וויסטע נארישע זאכען, וויא אויף א געטליכען געבאט, וואס יעדער איד איז מחויב צו האלטען, וועט יעדער איד וואס וויל ניט געהן „נגד השכל“ מאכען פון זיינע עבירות א גאנצען וועזען און גרויס האל־טען זיך מיט דער העלדישקייט, וואס ער האט דא באוויזען, — געגעסען חזיר אם יום־כפור!... „מחלל שנייץ געוועזען בפרהסיא!“

און דערפאר איז דער גרעבסטער אפיקורס, דער ערגסטער שארלאטאן, אויב ער איז נאר אין הארצען אויף איין אמת פטור געווארען פון דער הייליגקייט, אויב ער האט מיט איין אמת פון זיך אראפגעווארפען דיא קדושה, קעמפפט ער טאקי מיט דעם „נגד השכל,“ מיט דער „עבודה זרה.“...

יתמו חטאים! לאזען אויפהערען דיא זינד, וועט אויפהערען דאס זינדיגען!

לאז מען אויפהערען צו דאגהנען פאר דעם אידענס נשמה אויף יענער וועלט, וועט מעהר אהרען פאר דאס אידישע פאלק אויף דער וועלט!

דר. ח. ישיטלאווסקי.




# דיא גייסטיגע וועלט.

## ראדיום און העליום.

פראפעסאר ראמסעי'ס ענטדעקונג, אז דער וואונדערבארער מעטאל ראדיום האט נאך די מעלה אומגעוואנדעלט צו ווערען דורך ראדיאציאן (ארויסלאזען פון זיך שטראהלען) אין דעם גאז־עלעמענט (יסוד) העליום, איז א נייע רעטענים פאר דיא וויסענשאפטליכע וועלט. וועגען ראדיום האבען מיר שוין א פאר מאל געשריעבען אין דער „צוקונפט" און מיר וועלען עס יעצט ניט ווידערהאלען, מיר האבען דאן איבערגעגעבען, אז אין דער זעלבער צייט, ווען ער שטראהלט און לאזט פון זיך ארויס װארעמקייט, ענטשטעהט א שווערער גאז. דיזער גאז איז עס העליום, וועלכען מען דערקענט לייכט דורך דיא געלע ליניע אין ספעקטארסקאפ און וועלכער געפינט זיך אין דער לופט אין זעהר א קליינינקע מאס. נאך לאנגע און גענויע עקספערימענטען (פראבעס) האט פראפעסאר ראמסעי, א בעריהמטער ענגלישער געלעהרטער, בעוויעזען, אז העליום קומט דירעקט פון ראדיום דורך געוויסע ענדערונגען וועלכע זיינען נאך אונפערשטענדליך.

דאס הייסט אלזא, אז איין עלעמענט ווערט אומגעוואנדעלט אין אן אנדערען, און דאס איז אין ווידערשפרוך מיט דער אטאמישער טהעאריע, וועלכע איז דער פונדאמענט פון כעמיע. ביז יעצט האט מען גערעכענט, אז יעדער עלעמענט איז אונפערענדערליך, אז ער בלייבט אימער דער זעלבער מיט זיינע מעלות און אז ער קען זיך אויף קיין פאל ניט ענדערן אין אן אנדערן. מען האט זיך אויסגעלאכט פון דיא אמאליגע אלכימיקער, וועלכע האבען געזוכט דעם זא־גענאנטען „פילאזאפישען שטיין," אום צו קענען אומוואנדלען בליי אין גאלד. יעצט פרעגט ראמסעי, זעלבסט: פיליכט האבען זיי גאר רעכט געהאט? ווי באלד ראדיום קען זיך אומענדערן אין א גאנץ אנדערן יסוד, ווארום זאל עס ניט זיין דער פאל מיט אנדערע מעטאלען?

יעדענפאלס, אלע גרויסע פיזיקער און כעמיקער פון דער וועלט ברעכען זיך יעצט דיא קעפ צו ערקלערען דיזע וואונדערבארע ערשיינונגען. אלע גיבען צו, אז דאס וועט פיהרען צו ראדיקאלע ענדערונגען אין אונזערע יעצטיגע לעהרען וועגען דיא נאטור און איבערהויפט וועגען אטא־

מען. אייניגע בעהויפּטען אָבער, אז ראַדיום, קען זיין, איז גאָר ניט א יסוד, זאָנדערן איז צוזאַמענ־געשטעלט פון א פּאָר יסודות, וואָס איינער פון זיי איז העליום. אנדערע ערקלערען, דאָס נאָך אלעמען איז גאָר מעגליך, אז אלע זאַכען אויף דער וועלט קומען פון איין אורשפּרינגליכען שטאָף, וועלכער נעהמט אָן געוויסע פאָרמען אונ־טער געוויסע אומשטענדען.

דאָס זיינען אלץ פראַגען, וועלכע וועלען אויפגעקלערט ווערן אין דער צוקונפט. מען דאַרף ניט זיין א געלעהרטער צו פערשטיין דיא אונגע־הייערע וויכטיגקייט פון אזעלכע פראַגען פאר די גאַנצע מענשהייט. דיא נאַטור האָט נאָך א סך פערבאָרגענע סודות, אָבער מען קען האָפען, אז דער מענש וועט זיי ביסלעכווייז אויסגעפינען מיט דעם העלען ליכט פון דער וויסענשאַפט.

דערווייל האָט מען אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך געגרינדעט פאַבריקען צו פּראָדוצי־רען ראַדיום, וועלכער ווערט געפּאָדערט פון געלעהרטע אין אלע לענדער, אום צו מאַכען עקס־פּערימענטען און גרינדליכער נאָכצופאָרשען זיינע וואונדערבאַרע מעלות. ווי בעוואוסט קאָסט ער זעהר טהייער. מען פערקויפט יעצט איין גראַם פאר 2000 דאָלאַר, נאָר וואהרשיינליך וועט מען געפינען מיטעל צו פּראָדוצירען איהם ביליגער.

אויסער געלעהרטע פיזיקער און כעמיקער, וועלכע דאַרפען איהם פאר וויסענשאַפטליכע נאָכפאָרשונגען, ווערט ער אויך אלץ מעהר פער־לאַנגט פון דאָקטוירים, ווייל מען האָט אויסגע־פונען, אז זיינע שטראַהלען האָבען דיא מעלות פון דיא רענטגען־שטראַהלען. מען האָט בעוויזען אז א טויזענטעל פון א גראַם ראַדיום אין א פּיצינקע גלעזערנע רעהרעל האָט דיא זעלבע ווירקונג וואָס דיא רענטגען־שטראַהלען, ווען מען געברויכט א זעהר טהייערען עלעקטרישען אפּאַ־ראַט זיי צו בעקומען. ראַדיום האָט דיא אונשעצ־באַרע מעלה, דאָס זיינען שטראַהלען קען מען גע־ברויכען צו יעדער צייט אָהן שום אפּאַראַטען.

עס קען קיין צווייפעל ניט זיין, אז ער וועט אויך מיט דער צייט זעהר פיעל געברויכט ווערן פיר אינדוסטריעלע צוועקען. זאָ, צום ביישפּיעל, האָט מען אויסגעפונען, אז ער האָט א זאָנדערבאַ־רען איינפלוס אויף שטאָפען, וואָס קענען אַרויס־לאָזען פון זיך א שיין. א פּיצעלע ראַדיום קען אַרויסרופען א שטאַרקען שיין פון א געוויסען מאַטעריאַל וואָס הייסט צינק־פּיריט, און דיזער שיין איז נאָך דערצו אָהן וואַרעמקייט. דערמיט קען מען זיך אלזאָ זעהר גוט בענוצען פיר בע־לייכטונג.

---

## קינסטליכער קאַמפער.

אין פּאָרט טשעסטער, א מייל 25 פון ניו־יאָרק, האָט מען געעפענט א גרויסע כעמישע פאַבריק צו פּראָדוצירען קאַמפער, וועלכער אונ־טערשיידעט זיך מיט גאָר נישט פון דעם נאַטיר־ליכען קאַמפער וואָס מען בעקומט מייסטענס פון געוויסע בוימער אויף דעם כינעזישען אינזעל פאָרמאָזא.

יעדערער ווייס, אז קאַמפער ווערט זעהר פיעל געברויכט אין מעדיצין, אָבער נאָר פאַכ־לייטע וויסען, אז כמעט דריי־פערטיל פון דעם גאַנצען קאַמפער, וואָס מען בעקומט פון פאָרמאָזא, ווערט פערברויכט אין אינדוסטריען, ספּעציעל אין דער פּראָדוקציאָן פון קינסטליכע לעדער, פון סעלולאָיד, עקספּלאָדירענדע וואַטע גאַן־קאַטאָן אין ענגליש) א. ז. וו. אזוי ווי דער געברויך פון קאַמפער ווערט אלץ גרעסער, און דער זאַפּאַס איז א בעשרענקטער, ווייל נאָר פון געוויסע בוימער אין פאָרמאָזא קען מען בעקו־מען דעם ריכטיגען מאַטעריאַל, זאָ שטייגט נאַטירליך זיין פּרייז זעהר שנעל. דערצו נאָך האָט דיא יאַפּאַנעזער רעגיערונג, וועלכע האָט פערכאַפּט דיזען וויכטיגען אינזעל ביי כינא, איינ־געפיהרט א מאָנאָפּאָל אויף קאַמפער. דארום האָט דער מארקעט־פּרייז פון קאַמפער זיך געהויבען זייט 1900 ביז יעצט פון 43 ביז 60 סענט א פונט.

אום צו קענען בעקומען גענוג קאַמפער און אויך פּטור צו ווערן פון דעם יאַפּאַנעזער מאָנאָ־פּאָל, האָבען כעמיקער גענומען זוכען מיטעל צו פּראָדוצירען דיזען ארטיקעל קינסטליך. פון ער־שטען בליק שיינט עס א לייכטע זאַך, דען קאַמ־פער געהערט צו דיא טערפּענטין־עילען. דער אונ־טערשיעד צווישען געוועהנליכע טערפּענטין, וועלכע מען בעקומט פון סאָסנע־בוימער, און קאַמפער איז נאָר אין איין אטאָם זויערשטאָף. ווען מען זאָל אלזאָ דורך געוויסע כעמישע מי־טעל אריינברינגען אין טערפּענטין, וועלכע בע־שטעהט פון א בעהעפטונג פון 16 טהיילען וואַ־סערשטאָף מיט 10 טהיילען קוילענשטאָף נאָר 1 טהייל זויערשטאָף, וועט מען האָבען ריכטיגע קאַמפער גראַדע וויא פון פאָרמאָזא.

אָבער אין דער פּראַקטיקע איז עס געווען א זעהר שווערע אויפגאַבע. כעמיקער האָבען יאָה־

רענלאַנג געאַרבייט ביז עס איז זיי געלונגען נאָכצומאַכען דיא נאַטור. מיר קענען זיך דאָ ניט אריינלאָזען אין איינצעלהייטען וועגען דיזער נייער אינדוסטריע. אום ריכטיג צו פערשטיין, וויא אזוי מען קריגט קאַמפער פון טערפּענטין, דאַרף מען קענען כעמיע. מיר ווילען נאָר בעמערקען, אז דער ערשטער שריט איז צוזאַמענצומישען טערפּענטין מיט אַ געוויסע זויערע, וואָס הייסט אָקזאַליק (שטשאַוועל־זויערקייט) און וואָס ווערט אויך זעהר פיעל געברויכט אין פערשיעדענע אינדוסטריען. נאָכהער קריעגט מען קאַמפער דורך א דיסטילאַציאָן פון דיזער מישונג. דערביי בעקומט מען נאָך אייניגע ניצליכע עילען און עטהערס. דער גאַנצער פּראָצעס דויערט נאָר 15 שטונדען, און דער פּראָדוקט איז אין אַלע הינזיכטען אזוי גוט וויא דער נאַטירליכער קאַמפער פון פאָרמאָזאַ.

---

## דיא קנאַקעריי פון בליטצען.

יעדערער ווייס ביי היינטיגע צייטען, אז בליצען קומען פון עלעקטריציטעט אין דער לופט און אין דיא וואָלקענס און אז עס דונערט אין דערזעלבער סעקונדע ווען עס בליצט (דאָס וואָס מען הערט דעם דונער שפּעטער וויא מען זעהט דעם בליץ, קומט פון דעם וואָס ליכט לויפט פיעל שנעלער וויא דער קלאַנג). נאָר וואָרום קנאַקט עס ביים בליצען? אום דאָס אויסצוגעפינען, האָבען געלעהרטע געמאַכט אַ סך עקספּערימענטען מיט גרויסע עלעקטרישע מאַשינען, פון וועלכע מען קען ארויסקריגען זעהר שטאַרקע און לאַנגע עלעקטרישע פונקען, דאָס הייסט קליינע בליצען. דיזע פּראָבען האָבען בעוויזען, אז דיא קנאַקעריי קומט דורך דעם וואַסערדאַמף וואָס געפינט זיך אין לופט. דיא עלעקטרישע פונקען ווירקען אזוי אויף דעם וואַסערדאַמפף, אז זיי שיידען פאַנאַנדער דיא צוויי יסודות, פון וועלכע ער איז צוזאַמענגעשטעלט דורך כעמישע בעהעפטונג, נעמליך: פון דיא גאַזען וואַסערשטאָף און זויער־שטאָף. ווען דיזע גאַזען בעהעפטען זיך אונטער דעם איינפלוס פון עלעקטריציטעט, קומט פאָר א זעהר שטאַרקע עקספּלאָזיאָן. דאָס זעלבע איז אויך, ווען וואַסער־דאַמף ווערט דורכגעשניטען פון שטאַרקע עלעקטרישע פונקען. ווען מען געברויכט שטאַרקע עלעקטרישע מאַשינען און מען פערבינדעט דיא עקען פון דיא דראָטען מיט נאַסע זאַכען, דאַן פליהען דיא עלעקטרישע פונקען מיט אַ געוואַלדיגע קנאַקעריי. מען מוז פערשטאָפּען דיא אויערן, אום ניט פערטויבט צו ווערן ביי אזעלכע פּראָבעס. דיא קראַפט פון דונער הענגט אָפּ פון דער קראַפט פון דיא בליצען און פון דער פייכטקייט אין דער לופט.

---

## אַרסעניק אין אָרגאַניזמען.

דער פראַנצויזישער געלעהרטער ארמאַן גאָטהיע האָט בעוויזען, אז דער יסוד ארסעניק (א בעהעפטונג פון דיזען יסוד מיט זויערשטאָף איז דער ווייסער גיפט, וואָס אידען רופען מייזסם) געפינט זיך אין לעבעדיגע אָרגאַניזמען, אזוי וויא קוילען, שוועבעל און פאָספאָר. ער שפּיעלט דארום אַן אונגעהייערע וויכטיגע ראָלע אין דער אָרגאַנישער וועלט. אָהן א געוויסע צומישונג פון אַרסעניק קען קיין חיה ניט עקזיסטירען. נאַטירליך, דיא מאָס פון דיזען יסוד איז זעהר א קליינע אין יעדען אָרגאַניזמוס, דען זאָנסט וואָלט מען פערגיפטעט געוואָרען.

אַן אַנדער פראַנצויזישער געלעהרטער, פּראָפעסאָר בערטראַן, האָט ניט לאַנג צוריק געמאַכט ספּעציעלע נאָכפאָרשונגען וועגען אייער, אום אויסצוגעפינען וויפיעל אַרסעניק זיי ענטהאַלטען. זיינע עקספּערימענטען צייגען, אז דיזער יסוד געפינט זיך אין אלע טהיילען פון אַן איי, אין דער שאָלעכץ, אין ווייסעל און אין געלכעל. אין יעדער איי פון א הוהן געפינט זיך דורכשניטליך א צוויי־הונדערטעל פון א מיליגראַם ארסעניק. צוויי־דריטעל דערפון ענטהאַלט דיא געלכעל. וויא אזוי ארסעניק קומט אריין אין אָרגאַניזמען, פלאַנצען אַזוי גוט וויא חיות, דאָס בלייבט נאָך צו ענטדעקען. דיא אייער, וועלכע פּראָפעסאָר בערטראַן האָט געברויכט פאר זיינע עקספּערימענטען, זיינען געקומען פון היהנער, וועלכע זיינען געשפּייזט געוואָרען מיט ווייץ און אָבפאַל פון פערשיעדענע פלאַנצען. אויך האָט ער ענטדעקט ארסעניק אין אייער פון פערשיעדענע סאָרטען פויגלען.

---

## פאָטאָגראַפישער דרוק אָהן ליכט.

צוויי דייטשע ערפינדער, אָסטוואַלד און גראָס פון לייפּציג, האָבען אויסגעפונען א מיטעל צו דרוקען פאָטאָגראַפישע קאַרטען אָהן דיא הילפע פון ליכט. זיי געברויכען דערצו אזא פלי־

כיגקייט, וואָס הייסט פּעראָקסיד פון וואסערשטאָף און וואָס ווערט בענוצט פיר פערשיעדענע צוועקען, דארונטער אויך פון פרויען צו געבען דיא האָאר א „גאָלדענע פארב“. דיזער שטאָף לייגט זיך שנעל פאנאנדער אויף געוועהנליכע וואסער און זויער־שטאָף און דארום ווערט ער בענוצט אין פעלע, ווען מען דארף האָבען זויערשטאָף.

אין דער פאָטאָגראפיע קען מען איהם אויך געברויכען אָנשטאָט ליכט, ווייל ער האָט דיא מעלה פאנאַנדערגעלייגט צו ווערן אין וואסער און זייערשטאָף, וויא נאָר ער קומט אין בעריהרונג מיט דיא זילבער־זאלצען פון דיא פאָטאָגראפישע פאפירלעך. דער זויער־שטאָף מאכט דאן שווארץ דיא זילבער, און מען בעקומט שליסליך א פאָטאָגראפיע אזוי וויא מען וואָלט געמאָלען מיט טינט.

אזעלכע פאָטאָגראפיען האָבען דיא ערפינדערס א נאָמען געגעבען „קאטאַטיפּען“, ווייל זיי רעכענען, אז דיא אורזאכע פון דעם דרוקען אָהן שיין ליעגט אין דעם, וואָס מען רופט אין דער כעמיע „קאטאַליזיס“. אונטער דיזען וואָרט פערשטעהט מען דיא זאָנדערבארע מעלה פון געוויסע שטאָפען ארויסצורופען כעמישע ענדערונגען אין אַנדערע שטאָפען, וועהרענד אַליין בלייבען זיי אונפערענדערט. צום ביישפּיעל, ווען מען בעהאַנדעלט קראָכמעל מיט זויערקייטען (שוועבעל־זויערע, סאלפּעטער־זויערע א. ז. וו.) בעקומט מען צוקער; אָבער דיא זויער־פליסיגקייטען ענדערן זיך דערביי גאָר ניט. ווארום דאָס איז אזוי, וויים מען נאָך ניט. דיא ערשיינונגען פון קאטאַליזיס בלייבען א רעטעניש. יעדענפאלס האָבען זיי א גרויסע בעדייטונג און ווערן אויך בענוצט אין דער אינדוסטריע. דיא ערפינדונגען צו דרוקען פאָטאָגראפיען אָהן דיא הילפע פון שיין איז א זעהר ניצליכע.

---

## פּרעזערווירטע אייער.

זעהר אינטערעסאנטע פּראָבעס האָט מען ניט לאנג צוריק געמאכט מיט אייער, וועלכע זיינען פריהער געהאַלטען געוואָרען א יאָהר צייט אין א לייזונג פון א געוויסע סאָדיום־זאלץ. (דאָס איז סאָדיום־סיליקאט אָדער אויפגעלייזטע גלאָז). אין אזא לייזונג ווערן אייער גאָט ניט פערדאָרבען. זיי בלייבען אזוי פריש, וויא ווען זיי זיינען ערשט ארוים פון דער הוהן. פון דעסטוועגען קען מען פון זיי ניט אויסבריהען היהנער. אייניגע געלעהרטע האָבען פּרובירט אזעלכע פּרעזערווירטע אייער און האָבען אויסגעפונען, אז זיי זיינען פאָלשטענדיג גוט צום בריהען, נאָך זייער אינערליכען אינהאַלט און פרישקייט; אָבער דאָך האָט מען פון דיזע אייער אויף קיין פאל ניט געקענט בעקומען היהנדעלעך. דאָס ערקלערט מען דערמיט, דאָס ווען אייער ליגען א געוויסע צייט אין א לייזונג פון סאָדיום־סיליקאט, ווערט דיא שאָלעכץ פערהארטעוועט אזוי וויא זיא וואָלט בעשטאַנען פון גלאָז און לאָזט דארום ניט דורך דיא לופט. צוליעב דעם ווערן אזעלכע אייער ניט פערדאָרבען, אָבער צוליעב דעם טויגען זיי ניט צום בריהען. אָהן לופט, וועלכע דיא אייער־שאָלעכץ לאָזט דורך, קען קיינע ענדערונג ניט פאָרקומען אין דיא ווייסעל און געלכעל.

פ. קראנץ.

# נייע ביכער.

באָווישאָווער׳ס פּאָעזיען.

דער גרופּע „פּרייהייט“ פון לאָנדאָן קומט א דאנק, וואָס זיא האָט צוזאמענגעקליבען און ארויסגעגעבען דיא ליעדער פון דעם יונגען און טאַלאַנטפאָלען פּאָעט, י. באָווישאָווער, וועלכער האָט אזוי פיעל געליטען פיזיש און מאָראליש, דאָס ער איז אראָפּ פון זינען און שמאַכטעט יעצט אין א דול־הויז. ליידער האָבען דיא ארויסגעבער פערפעהלט צו געבען חאָטש א קורצע לעבענסבעשרייבונג פון דעם פּאָעט, וועמעס ליעדער זיינען פול מיט ליידען פאר דיא אונטערדריקטע, מיט א ברענענדען האס צו דיא אונטערדריקער און מיט א טיעפע מעלאַנכאָליע. ווען עס וועט קומען צו א צווייטע אויפלאגע, וועלען דיא ארויסגעבער האָפענטליך ניט פערגעסען באָווישאָווער׳ס ביאָגראפיע.

אין פיעלע פון זיינע ליעדער שפּיגעלט זיך אָפּ זיין קרענקליכע און צו־וועהטאָגטע נשמה.

ווער זייט איהר, אָה זאָגט, איהר געהיימע געשפּענסטער?
ענטפּלעקט אייך פאר מיר, אין מיין הויז, נעבען פענסטער.
„מיר וועלען דעם נאָמען דיר אונזערען זאָגען:
מיר זיינען דיא צרות, מיר זיינען דיא פּלאָגען!“

---

איך האָב קיין פריינד, קיין גרעסערע,
וויא דו אין נויט און פּיין,
קיין טרייסטערין, קיין בעסערע,
אָה, מעלאַנכאָליע מיין!....

צרות, פּלאָגען, מעלאַנכאָליע — זיי האָבען איהם קיין מאָל ניט פערלאָזען און זיי האָבען עס איהם געמאכט קראנק, נערוועז, פעררי‌קט.

א טרייסט האָט ער נאָר געפונען אין טרוימען וועגען דעם קאמפּף פאר דיא בעפרייאונג פון אלע אונטערדריקטע און ליידענדע. מיר דרוקען דאָ איבער זיין ליעד „איינזאם“ אלס א ביישפּיעל.

ביטער איז צו זיין פערוואָרפען
אין אַן איינזאם שטילען אָרט,
ווייט פון פריינד און ווייט פון ברידער,
וואו מען הערט קיין פרייעס וואָרט.

---

אך, וויא זיס עס איז צו קעמפּפען
אויפ׳ן פעלד מיט אלען גלייך!
שעהן פערלויפען טעג און וואָכען,
וויא דיא שטראָמען פון א טייך.

---

שווערער קאמפּף פיר רעכט און פרייהייט!
מעגסט נאָך טויזענד מאָל זיין שווער,
ביזטו דאָך זאָ מיר טהייער,
און איך ליעב דיך אימער מעהר!

---

וואָס איז דען אָהן דיר דער לעבען?
גאָר נישט, גאָר נישט, ווינט און שטויב!
דען וואָס טויגען אונזר׳ע מענשען
צו א וועלט פון מאָרד און רויב?

---

נאָבלער קאמפּף, דו גיבסט מיר האָפנונג,
מאכסט דיא שווערע צייטען גרינג:
אָהן שטרעבען איז קיין לעבען,
און דו גיבסט עס מיר אלסדינג.

---

און אָבוואָהל איך ליעג געבונדען,
אויפ׳ן בעט צובראָכען, קראנק,
ביזטו דאָך, אָ, קאמפּף פאר פרייהייט,
נאָר מיין איינציגער געדאנק!

זיין ליעבע צו זיינע אָרימע ברידער דריקט ער אם בעסטען און שעהנסטען אויס אין פאָלגענדען געדיכט:

דיא פידעל בין איך,
דיא סטרונעס זייט איהר,
נור איהר קענט דעם קלאנג
ערוועקען אין מיר.

---

דאָס ליעד וואָס איך זינג,
פערדאנק איך נאָר אייך,
אליין בין איך שטום,
וויא מאַרמאָר־שטיין גלייך.

און ליעב איך אויך ניט
און ווער פלוצלונג מיעד,
דאן זינגט זיך ניט מעהר
קיין איינציגעס ליעד.....

איינִיגע פון זיינע פּאָעזיען ענטהאַלטען אויך טיעפע פילאָזאָפישע געדאנקען, וויא, צום ביי־שפּיעל, „דיא אונרוה“, „נייע און אלטע ליעדער“, „דאָס לעבען“. ר. ק.

### דיא אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק.

דיא ארויסגעבער פון דיעזער ביבליאָטהעק הייבען אָן אליין מעהר און מעהר צו פערשטעהען דיא גייסטיגע בעדירפנים פון אונזער פאָלק, פון אונזערע שוועסטער און ברידער, וועלכע לעזען מייסטענטהיילס זשארגאָן, און זי האָט די לעצטע צייט זיי מזכה געווען מיט אַ גאַנצע רייהע זעהר ניצליכע וויכער, וואָס פערדיענען א הויכען פּלאַץ אין דיא אידישע ביבליאָטהעקען.

איינע פון דיעזע ארויסגאבען איז פיליפּ קראַנץ'ס ביכעל „וואָס איז נאציאָן? זיינען אי־דען אַ נאציאָן?“ וועגען דיעזען ביכעל וויל איך דאָ דערוויילע זאָגען א פּאָאַר ווערטער. אין ער־שטען קאַפּיטעל ערקלערט דער פערפאסער דיא „אלוועלטליכע שטרעבונגען און נאציאָנאַלע גע־פיהלען,“ און מאכט א סך הכל, אז טראָץ דעם, וואָס „וויכטיגע וויסענשאפטליכע ענטדעקונגען און טעכנישע ערפינדונגען האָבען פיעל צוגע־האָלפען צו דער פערשפּרייטונג פון קאָסמאָפּאָ־ליטישע געדאנקען,“ און „דיא ערפינדונג פון טע־לעגראַף און אייזענבאהנען האָט מעכטיג געהאָל־פען צו ברעכען דיא פריהעריגע אבגעזונדערט־קייט, — טראָץ דעם אַלעם, זיינען אלע פריהערע נאציאָנען פערבליבען און עס זיינען נאָך אויפ־געקומען פילע נייע.“ מר. קראַנץ, זייענדיג אַ סאָציאַליסט־קאָסמאָפּאָליט, בעטראַכטעט דיא נאציאָנאַלע אבגעזונדערטקייט פיר שעדליך, אָבער איך, זייענדיג א נאציאָנאַליסט, קען מיט איהם אין דיעזען פּונקט ניט איינשטימען. ביי אַ צווייטע געלעגענהייט וועל איך איבער דער פראַגע שרייבען אויספיהרליכער.*)

אין צווייטען און אין דריטען קאַפּיטעל אנאליזירט ה' קראַנץ מיט זעהר שארפע לאָגיק און מיט וויסענשאפטליכע ארגומענטען, דיא סמנים פון א נאציאָן און ערקלערט, אז „דיא לעהרע פון יוגענד און אלטער פון נאציאָנען אין דעם זינען, וויא דיא יוגענד און אלטער פון איינצעלנע פערזאָנען, מוזען מיר אין גאַנצען פערוואַרפען.“

אין פיערטען קאַפּיטעל רעדט ה' קראַנץ זעהר ווארם וועגען דיא אידישע צרות און פער־פאָלגונגען, וועגען דעם אַנטיסעמיטיזמוס, וואָס איז דער גרעסטער פלעק אויף דער זון פון אונ־זער יאָהרהונדערט, און זאָגט, אז „דיא ציוניס־טען האָבען אויך רעכט, ווען זיי ערקלעהרען, אז דערמיט אליין (וואָס דיא אידען וועלען זיך אויסגלייכען מיט דיא אומות העולם און איבער־נעהמען דיא אייראָפּייאישע ציוויליזאציאָן) וועלען דיא אידען נאָך ניט געהאָלפען ווערען.“ ווייטער זאָגט דאָרט ה' קראַנץ: „דער איד, ביי וועמען דער אידישער געפיהל איז אָבגעשטאָר־בען, קען ניט ווערען אַ ציוניסט.“ גאַנץ ריכ־טיג! נו, איז דאָך טאקי אַ קשיא: פארוואָס געפינען זיך מאַנכע לייטע, וועלכע ווילען זיך ניט רעכענען מיט דיעזען נאציאָנאַלען געפיהל און מאכען חוזק פון דיא ציוניסטען?... זאָלען זיי זאָגען, אז דער ציוניזמוס איז אַ טרוים, אַ פּראָדוקט פון סענטימענט, אָבער וויא באלד ער קומט אַלס רעזולטאט פון א געפיהל, מוז ער יעדענפאַלס רעספּעקטירט ווערען, ווייל אַ גע־פיהל, אויב נאָר ער איז ניט פערבונדען מיט שלעכטע אַבזיכטען, איז דער אַלטאַר פון דער מענשהייט, איהר היילינטהום. קען מען דען בע־טראַכטען פיר שלעכט דעם געפיהל פון דער אונ־גליקליכער נאציאָן, וועלכע רייסט זיך צו איהר אלטע היימאטה?...

אין לעצטען קאַפּיטעל רעדט ה' קראַנץ זעהר לאָגיש וועגען פּאַטריאָטיזמוס, נאציאָנאַל־האס און קאָסמאָפּאָליטיזמוס און ערקלערט גאַנץ ריכטיג, אז „יעדער בירגער קען גאַנץ היים ליעב האָבען דאָס וואָס ער בעטראַכטעט אלס זיין נאציאָנאַלע אייגענטהימליכקייט, קען שטאָל־צירען מיט דיא פיהרונגען און אופטואונגען פון זיין נאציאָן, אָבער דערביי קען ער אויך זיין

*) דיא „צוקונפט“ איז אָפען פאר יעדע ערנסטע דיסקוסיאָן איבער סאָציאלע־פּאָליטישע פראַגען און וועט איבערהויפּט מיט פערגעניגען דרוקען דעם פערשפּראָכענעם ארטיקעל פון ה' יחזקאל לעוויט, וועלכער האָט זיך פערשאפט אַ נאָמען מיט זיינע העבּרעאישע און רוסישע שריפטען. נאָר אין נעכסטען נומער וועלען מיר דרוקען דר. קאַרל פאַרנ־בערג'ס ארטיקעל „דיא נאציאָנאַלע פראַגע.“

דיא רעדאקציאָן.

פריינדליך צו דיא בירגער פון אן אנדער נאציאָן.״ מיט פערגעניגען רעקאָמענדיר איך קראַניץ'ס ביכעל צו אַלע מענשען, וועלכע אינטערעסירען זיך מיט דער נאַציאָנאַלער פראגע און ווילען האָבען געזונטע גייסטיגע שפייז.

אויסער דעם אויבענדערמאָהנטען ביכעל, האָט דיא „אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק״ ארויסגעגעבען: אריסטאָטעל, זיין לעבען און זיין פילאָזאָפיע, פון פיליפ קראַניץ; וואָלטער אלס מענש און דענקער, פון י. גאָרדין; דער רמב״ם, זיין לעבען און זיינע לעהרען, פון ב. פייגענבוים; רב סעדיה גאון, זיין לעבען, ווערקען און שריפטען פון מ. וויערניק; ר' ישראל בעל שם טוב, פון א. פרומקין און ליעוו טאָלסטאָי, זיין לעבען און ליטעראַרישע טהעטיגקייט, פון ח. אַלעקסאַנדעראָוו. דיעזע אַלע ביכלאַך גיבען א קלאָרען בעגריף וועגען דיא פערזאָנען, וועלכע זיי בעשרייבען.

איך וויל נאָך בעמערקען 1) אז ניט „טאָלסטאָי'ס פרוי איז איהם בעהילפיג אין דער ארבייט דערמיט, וואָס זיא שרייבט איבער זיינע כתבים, וויא עס שרייבט הערר אלעקסאַנדעראָוו אויף דעם סמך פון אנדערע טאָלסטאָי'ס ביאָגראַפען, נאָר זיין טאָכטער טאַטיאַנא; און 2) דער ביאָגראַף האָט פערפעהלט צו דערמאָהנען טאָלסטאָי'ס א וויכטיגען בוך „דיא שקלאַפעריי פון אונזער צייט,״ געדרוקט אין בערלין אין 1901.

יחזקאל לעוויט.

# א פאָר ווערטער צו דיא לעזער.

א פאָר ווערטער צו דיא לעזער

מיט דיזען נומער פאנגט זיך אָן דער דריטער יאהר פון דער „צוקונפט". אין פערלויף פון דער צייט האָט דער איינציגער סאָציאַליסטישער זשורנאַל אין זשארגאָן געהאט דורכצומאכען א זעהר שווערען און ביטערען קאמפף פיר זיין עקזיסטעניץ. ניט איין מאָל איז זיין לעבען געהאנגען אויף א האָאָר, נאָר דער קאָנסיליום פון דיא קליינע צאָהל גענאָסען, וועלכע האָבען טיכטיג געארבייט איהם אָפצומינטערען, האָט איהם מיט גרויסע אָפפער גערעטעט.

דער פאקט, אז דיא „צוקונפט" איז איבערגעקומען דיא שווערע געבורטסצייט און דיא שוואכע קינדער־יאָהרען, איז א בעוויז, אז זיא וועט ווייטער שנעל וואקסען און זיך שטארקען. דאָס איז אויך א בעוויז, אז זיא בעפרידיגט א געוויסע גייסטיגע בעדירפניס פון דיא אויפגעקלערטע ארבייטער.

דיא „צוקונפט פרעסס פעדעריישען״ וויל זיך ניט בעריהמען מיט איהר ארבייט פאר דיא אויפקלעהרונג פון דיא אידישע לעזער. דיא 24 געדרוקטע נומערן רעדען פאר זיך אליין. זיא וויל זיך בעסער אנשטרענגען צו פערגרעסערן און צו פערבעסערן דעם איינציגען וויסענשאפטליך־סאָציאַליסטישען זשורנאַל אין מאַמע־לשון, וויא וויט דיא מאטעריעלע מיטעל וועלען עס ערלויבען. זיא האָפט אויף דיא סימפאטהיע פון אלע דיא יעניגע, וואָס אינטערעסירען זיך מיט דער אידישער ליטעראטור און וואָס שטרעבען אויפצוקלעהרען דיא אידישע מאסע, און זיא רעכענט, אז זיא האָט א רעכט אזוי צו האָפען, ווען זיא גיט אזעלכע ארטיקלען וויא אין דיזען נומער.

דיא צוקונפט פון דער „צוקונפט" ליגט אין אייערע הענד, קלאסענבעוואוסטע ארבייטער.

מיט סאָציאַליסטישען גרוס,

דיא צוקונפט פרעסס פעדערייזשען.



גראף לעאָ טאָלסטאָי

# דיא צוקונפט

No. 2 (26) FEBRUARY 1904. Volume 3

## קישינעוו, פּאָגראָמען און דער „בונד“.

דער רוסישער ניטל איז פאַראיבער אָהן א פּאָגראָם. אויב דיא סענסאַציאָנעלע דעפּעשען וועגען פּאָרבערייטונגען צו א נייע בלוט־באָד אין קישינעוו זיינען איבערהויפּט ניט אויסגעטראכט געוואָרען פון קאָרעספּאָנדענטען, זיינען אונזערע אונגליקליכע ברידער אין בעסעראביען דיזעס מאָל נאָר אָפּגעקומען מיט זייער שרעק.

עס איז העכסט וואהרשיינליך, דאָס קומענדען פריהלינג וועלען אונז דיא סענסאַציאָנעללע אמעריקאנער צייטונגען וויעדער מכבד זיין מיט שרעקענס־בעריכטען וועגען פּאָרבערייטונגען צו א ווידערהאָלונג פון דער שוידערליכער הריגה אין דער צייט פון דעם רוסישען פּסח לעצטען יאָהר אין קישינעוו. מען וועט אונז דערצעהלען, אז מען האָט ארויסגעלאָזען פּראָקלאמאציאָנען צו שלאָגען אידען, אז באנדעס אָרגאניזירען זיך צו בעפאלען אידישע הייזער און דאָרטען רויבען און מאָרדען; אז פיעלע אידען וואנדערן אויס, ווייל זיי ערווארטען א פּאָגראָם, א. ז. וו. עס איז אויך מעגליך, אז אזעלכע נאכריכטען וועלען רעגעלמעסיג ערשיינען אין צייטונגען עטליכע יאָהר נאָכאנאנד פאר יעדען רוסישען רעליגיעזען יום טוב ביז מען וועט שליסליך פערגעסען אָן דיא קישינעווער בלוט־באָד אזוי וויא אָן דיא נאָך גרעסערע און שוידערליכערע אויסשלאכטונגען פון אידען אין פינסטערען מיטעלאלטער. עס איז אָבער אויך מעגליך, אז דיזע טרויעריגע נביאות זאָלען מקוים ווערען, אויב ניט דוקא אין קישינעוו, איז ערגעץ אין אן אנדער שטאָט פון פינסטערן צארענלאנד.

פּאָגראָמען איז איבערהויפּט גיכער צו ערווארטען אין פּסח־צייט וויא אין קריסטמאס־צייט. דיא ווינטער־נאכט, ווען יעזוס, דער קריסטליכער בודדהא, איז כלומרשט געבאָרען געוואָרען (אין דער ווירקליכקייט איז ניטל געווען א געצענדינערשער יום טוב ביי אלע אלטע קולטור־פעלקער לכבוד דיא נאטאלים אָדער דיא געבורט פון דער זון) איז ניט געווען דיא צייט, ווען מען פלעגט בעפאלען און שעכטען אידען. דאָס פלעגט געוועהנליך טרעפען אין דעם טאָג, ווען יעזוס איז כלומרשט אויפגעשטאנען תחית המתים נאָך דער אייגעבילדעטער קרייצונג, דאָס הייסט אין דער ווירקליכקייט, ווען דיא זון הויבט זיך אויף נאָך איהר טויט אין ווינטער און שיקט אראָפּ אויף דער ערד איהרע פריהלינגס־שטראהלען, וועלכע ערוועקען דיא גאנצע נאטור צום לעבען. דיזע בעסטע צייט פון יאָהר, וועלכע איז געפייערט געוואָרען פון אלע פעלקער אלס דער גרעסטער יום טוב אין דיא גרויע אלטע צייטען, איז אין קריסטליכע לענדער ניט איין מאָל רויט געוואָרען פון פערגאָסענע אידישע בלוט, און נאָך ביז היינט צו טאָג. טראָץ אלע וויסענשאפטען, טראָץ אונזער מאטעריעלען און גייסטיגען פּראָגרעס, געפינען זיך נאָך ערטער, וואו דיא גרויליכע רציחות פון מיטעלאלטער ווערען פאָרטגעזעצט.

איינע פון אזעלכע לענדער איז רוסלאנד, ווייל אין פיעלע הינזיכטען איז זיא נאָך ניט ארויס פון דער מיטעלאלטערליכע פינסטערקייט. דאָרטען איז דיא לאגע פון אידען א ביטערע און שרעקליכע אפילו אָהן פּאָגראָמען, דאָרטען זיינען קירכע און שטאאט פערבונדען צו פערפינסטערן דיא מוחות פון פאָלק און צו העצען אויף אידען אזוי וויא מיט איבער 400 יאָהר צוריק אין שפּא־

ניען. דיא רוסישע רעגיערונג איז יעצט דער גרע־
סטער פיינד פון פראגרעס און דער גרעסטער
שונא ישראל אזוי וויא א מאל דיא אינקוויזיציאן.
דיא באסיאקעס, דער ווילדער און פערפינסטער־
טער המון, וואס בעפאלען דיא אידען און מאכען
דיא פאגראמען, זיינען אזוי שולדיג, וויא דיא
פאנאטישע מענער און פרויען, וועלכע פלעגען
אונטערווארפען האלץ צו דיא שייטערהויפענס
פון דער אינקוויזיציאן. זיי ווערען ניט נאר אויפ־
געהעצט, זאנדערן ווערן איינפאך ארגאניזירט
און געשיקט צו בעפאלען אידען, ווען נאר דיא
רעגיערונג געפינט עס פאר נויטיג.

דער קישינעווער פאגראם האט עס קלאר בע־
וויזען. פאן פלעהווע האט ניט געקענט בעהאלטען
זיין בלוטיגע האנד, וועלכע האט געשטעקט אין
ריזער שרעקליכער שחיטה. נאר, אויב נאך דיא
פאקטען, וועלכע האבען בעוויזען דיא שולד פון
דער רעגירונג אין דעם פאגראם, האט אימיצער
נאך געקענט צווייפלען אין דעם, האט ער זיך
געמוזט איבערצייגען נאך דעם זאגענאנטען פרא־
צעס פון דיא קישינעווער פאגראמסציקעס. מען
האט זיי גע'משפט נאר אום צו שיטען זאמד אין
דיא אויגען, אום יוצא צו זיין פאר דער וועלט.
דיא ריכטיגע שולדיגע האט מען אפילו ניט ארע־
סטירט. האט דען פאן־פלעהווע געקענט ארעסטי־
רען זיך זעלבסט און זיינע העלפערס אין דער
בלוט־באד? דער פראצעס איז פון אנפאנג ביז
סוף געווען א טראגיקאמעדיע. דיא ארימע אד־
וואקאטען, וועלכע האבען פראטעסטירט געגען
שענדליכען געריכט, וועלען נאך ליידען פאר דיא
„פריהייטען“, וועלכע זיי האבען זיך ערלויבט.

אבער ניט וועגען דיא אלגעמיינע און ספע־
ציעלע אורזאכען פון אנטיסעמיטיזמוס אין רוס־
לאנד, ניט וועגען דער ראלע פון דער צארענרע־
גירונג אין דיא פערפאלגונגען געגען אידען, ניט
וועגען דיא צייט און ארט פון מעגליכע נייע
פאגראמען און ניט וועגען דעם נידערטרעכטיגען
פראצעס פון עטליכע קישינעווער פאגראמסצי־
קעס ווילען מיר דא ריידען, נור וועגען דעם, וואס
דיא אידען קענען טאן, אום זיך צו בעשיצען
געגען נייע אטאקעס און פאגראמען. דיא
אונגליקליכע לאגע פון אונזערע ברידער אין רוס־
לאנד וועט זיך ניט ענדערן, אויב מיר וועלען
ריכטיג אדער אונריכטיג אנצייגען דיא אורזאכען
פון דיא פערפאלגונגען און אונטערדריקונגען;
זיא וועט אויך א האר ניט בעסער ווערן, אויב
א פאגראם וועט אויסברעכען אין איין צייט אדער
אין אן אנדערע, אין איין שטאט אדער אין אן
אנדערער.

וואס אנבעלאנגט צו קישינעוו, זא דענקען
מיר גראדע, אז דארט וועט שוין נאך א מאל ניט
זיין א פאגראם. אויב פאן־פלעהווע אדער אן אנ־
דער בלוטהונד פון צאר וועט געפינען, אז מען
דארף ווידער לאזען פליסען אידישע בלוט, אום
אפצוציהען דיא אויפמערקזאמקייט פון פאלק
אויף דיא ריכטיגע אורזאכען פון זיינע צרות, דאן
וועט ער אויסקלייבען ניט קישינעוו, נאר אן אנ־
דער שטאט, וואהרשיינליך א פיעל גרעסערן און
וויכטיגערן צענטער פון אידען. עס וועט שוין ניט
פאסען אין אלגעמיין דער רוסישער רעגירונג צו
לאזען מאכען איין פאגראם נאך דעם אנדערן אין
דעם זעלבען ארט. זיא דארף דאך צייגען פאר
דער וועלט, אז זיא קען אנהאלטען ארדנונג און
ניט דערלאזען צו אויסשלאכטונגען אפילו פון
אידען אין אזעלכע ערטער, וואו דיא איינוואה־
נער האבען שוין איין מאל געליטען דערפון און
וואו מען ערווארטעט פון איהר שטרענגע פאר־
זיכטס־מיטעל.

דארום קענען זיך דיא אידען פון קישינעוו
בערוהיגען, ווייניגסטענס דעם קומענדען פסח,
אבוואהל מען וועט געוויס זוכען זיי צו שרעקען
מיט אזעלכע פאלשע קלאנגען וועגען א נייעם
פאגראם, אזוי וויא לעצטען דעצעמבער מיט א
פאר וואכען פאר דעם רוסישען ניטל. אבער אין
אלגעמיינעם קען מען זיך ריכטען אויף פאגראמען
אין רוסלאנד. קיין רוסישע שטאט, וואו עס גע־
פינען זיך נור א כך אידען, קען ניט זיין זיכער,
אז דארט וועט ניט אויסברעכען א פאגראם. זיי
געפינען זיך אין שטענדיגער געפאהר בערויבט
און ערמארדעט צו ווערען פון באנדעס פאגראמ־
סציקעס אויף דעם געהיימען בעפעהל פון דער
פאליציי, און דיא פראגע איז יעצט: וואס זאל
מען טאן געגען אזא שרעקליכען צושטאנד און
בעזאנדערס ווי זאלען האנדלען דיא אי־
דען אין צייט פון א פאגראם?

לאמיר עס דא קריטיש בעטראכטען.

צוערסט איז עס קלאר, אז מיט פראטעסטען
אויסערהאלב רוסלאנד וועט מען גאנץ
ווייניג העלפען דיא אידען, מען מעג זאגען:
איינפאך גאר ניט. דיא רוסישע רעגירונג פייפט
אויף אזעלכע פראטעסטען, און דאס רוסישע
פאלק וויים פון זיי גאר ניט. עס איז דום און לע־
כערליך צו גלויבען, אז דערמיט וואס מען וועט
איינרופען פראטעסט־מיטינגען אין וועסט־אייראַ־

פּא און אמעריקא וועט מען עפּעס ווירקען אויף דער רוסישער רעגירונג. אפילו מיט פּראָטעסטען אין א פּארלאמענט וועט מען איהר ניט פערשעהמען און נאָך ווייניגער איינשרעקען. מיר זעהען דאָך, אז טראָץ אלע פּראָטעסטען אין דער גאַנצער וועלט נאָך יער קישינעווער בלוט־באָד האָט מען אפילו ניט געקענט אויספיהרען, אז זיא זאָל זיך ווייניגסטענס שעהמען און משפּט'ן דיא פּאָגראָמטשיקעס נאָך איהרע אייגענע געזעצע. זיא האָט זיך איינפאך אויסגעלאכט פון אלעמען.

דיא אידען אין אמעריקא דארפען עס בעזאָנדערס ניט פערגעסען דען עס זיינען דאָ פּאָליטישענס און סתם בלאָפערס, וועלכע זוכען איינצוריידען דעם עולם, אז מען קען עפּעס אויפטהאָן דורך דעם קאָנגרעס אָדער פּרעזידענט פון דיא פּראייניגטע שטאטען. רו'ערט אויף דאָס אמעריקאנער פּאָלק, אָרגאניזירט פּראָטעסט־מיטינגען אין אלע שטעט און דערפער פון אונזער גרויסער רעפּובליק, פּערשיט דעם קאָנגרעס און דעם פּרעזידענט מיט פּעטיציאָנען! האָט מען פון אלע זייטען געשריען נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם, און מען הויבט אויף דיא זעלבע קולות, וויא נאָר עס קומט א נאכריכט, דאָס מען קלייבט זיך אין רוסלאנד צו א נייעם פּאָגראָם. אָבער וואָס איז געוואָרן פון דיזע אלע היסטערישע געשרייען, פּראָטעסטען און פּעטיציאָנען? ניט מעהר און ניט ווייניגער, דאָס איניגע פּאָליטישענס און קהל'שע קליאמקעס האָבען, אמעריקאניש גערעדט, זיך אדווערטייזט און דעם עולם געבלאָפט.

אונזער רעפּובליק איז געוויס א זעהר מעכטיגע, רייכע און פּאָרטגעשריטענע, אָבער דער וואָרט „בלאָף“ איז ניט אומזיסט א טיפּיש אמעריקאנער. אין וואָס־אין־וואָס, נאָר אין בעריהמעריי און בלאָפס קען קיין פּאָלק אויף אונזער זינדיגער ערד ניט איבערשטייגען דיא אמעריקאנער. דיא אידישע עמיגראנטען און בעזאָנדערס זייערע צייטונגען האָבען גלייך־איבערגענומען דעם שניט מיט פולע מיילער. אין דיזער בעציהונג האָבען זיי זיך צו־שנעל אסימילירט.... גלייך נאָך דעם שוידערליכען פּאָגראָם אין קישינעוו האָט מען זיך א נעהם געטהאָן צו בלאָפען. איינער האָט געזוכט צו איבערשטייגען דעם אנדערן מיט זיין כלומרשט הייסע ליעבע צום אידישען פּאָלק אין אלגעמיינעם און צו דיא קישינעווער אָפּפער בעזאָנדערס. אלע פּאָליטישענס און אלע, וואָס שטרעבען א מאָל צו ווערען קנאקערס, זיינען געקראָכען פון הויט זיך צו שאפען א נאָמען אויף דעם רעכנונג פון דיא קישינעווער קרבנות. מיר מיינען דאָ נאטירליך ניט דיא אידישע ארבייטער־מאסען — זיי האָבען טאקי אויפריכטיג געקלאָגט אויף חורבן קישינעוו און געטראָגען זייערע שווער־פערהאָרעוועטע סענטען פאר זייערע פּעראונגליקטע ברידער—נאָר דיא שרייערס, דיא קהל'שע קליאמקעס, דיא פּושקע־קלאפּערס, דיא פּוסטע מגידים, דיא שייסטער־לאָיערס (ווינקעל־אדוואָקאטען) א. ז. וו., וועלכע האָבען זיך אליין ערקלערט פאר פערטרעטער פון אמעריקאנער אידען און וועלכע האָבען אין דער ווירקליכקייט נאָר געזוכט, אז זייערע נעמען זאָלען וואָס עפטער ערשיינען אין צייטונגען, אז דער עולם זאָל הערען פון זיי.

עס איז אזוי געוואָרן א גוואלדיגער טומעל, אז דער עולם איז גאָר צודולט געוואָרן און האָט געמיינט, אז אָט־אָט וועט אָנקעל סעם אָנגורטען זיינע לענדען און געהן לערנען בלק מיט פּאָניע'ן. דיא אידישע צייטונגען, וועלכע האָבען נאָר געזוכט צו כאפּען וואָס מעהר סענטען מיט וואָס מעהר סענסאציאָנעלע און אונגעלומפּערטע בעריכטען, וועלכע האָבען צושמירט א וואָרט וואהרהייט אין א קוואָרט דומען שוואַץ, אונטערגעפּעפּערט מיט בלאָפס און סתם ליגענס, וויא עס איז ליידער זייער געוואוינהייט, האָבען אזוי געפּילדערט וועגען פּעטיציאָנען צום פּרעזידענט, אז עס האָבען זיך געפונען אזעלכע אונשולדיגע אידען, וועלכע האָבען געגלויבט, דאָס אין דעם בעשטעהט דיא גאולה פאר זייערע רוסישע ברידער. ווען איינער וואָלט דאן ארויס מיט אָפּענע דבורים און ערקלערט, אז דיזע אלע פּעטיציאָנען זיינען ניט ווערטה דאָס פּאפּיר אויף וועלכע זיי זיינען געשריבען, וואָלט מען איהם, דאכט זיך, איינפאך פערשטיינערט.

יעצט אָבער, ווען יעדערער וויים, וואָס פאר א מיאוס'ע קאָמעדיע עס האָט זיך אויסגעלאָזען פון אמעריקא'ס „אריינמישען זיך“ און פון דיא בעריהמטע פּעטיציאָן צום צאר, וועט יעדערער האָפּענטליך אליין איינזעהען, אז דער בלאָף איז געווען אזוי גרויס, דאָס אלע האָבען זיך זעלבסט פערבלאָפט, אפילו פּרעזידענט רוזוועלט אויך. מען האָט דעם פּרעזידענט געבלאָפט מיט דעם אידישען וואוט און ער האָט זיי אָבגעבלאָפט מיט א פערשפּרעך צו שיקען דיא קלעגליכע פּעטיציאָן פון אָרדען בני ברית צום צאר, אָבוואָהל ער האָט ניט נאָר גאנץ גוט געוואוסט, אז דיא רוסישע רעגירונג וועט איהר גראָב צוריקשיקען, זאָנדערן אז

דיא אמעריקאנער רעגירונג וועט איהר גאָר ניט שיקען אָפיציעל.

זאָל עס האָטש דיענען אלס לעהרע אויף וויטער, זאָל מען אין דער צוקונפט אויסמיידען דיא פעהלערן און דומהייטען פון דער פערגאנגענהייט, זאָל מען עהרליך טאָן וויא וויניג מען קען, אָנשטאָט צו פערנעהמען זיך מיט בלאָפס. דער גרויסער עולם האָט אָבער לײדער א קורצען זכרון, בעזאָנדערס דיא צוזאמענגעלאָפענע מאסע אידישע עמיגראנטען אין אונזער עיר המקלט. יאָ דאָס, וויא נאָר מען האָט לעצטען דעצעמבער צושמירט אין דיא געלע אמעריקאנער צייטונגען א פאָר פאלשע קלאנגען וועגען פאָרבערייטונגען צו א נייעם פאָגראָם אין קישינעוו, און דיא אידישע בלעטער האָבען עס נאָך, וויא זייער שטייגער איז, צוגעפארבט מיט זייערע אייגענע גוזמאות און אונגעלומפערטע ליגענס — האָט מען ווידער אָנגעפאנגען צו פילדערן וועגען פעטיציאָנען און שיקען קאָמיטעס צום פרעזידענט, וועמען דיא רוסישע אידען ליגען אייגענטליך אין דער פיאטע גראדע וויא אלע אנדערע אמעריקאנער פאָליטישענס.

הלואי זאָל שוין מעהר ניט געהערט ווערן פון פאָגראָמען, הלואי זאָלען זיי פערשווינדען אין דער פערגאנגענהייט צוזאמען מיט אלע נאָכוועהענעס פון פינסטערן אבערגלויבען און פון רעליגיעזען און נאציאָנאלען האס, נאָר ווען עס וועט טרעפען אן אָנפאל אויף אידען ערגעץ אין רוסלאנד, זאָל מען זיך דאָ אין אמעריקא וויניגסטענס ניט לאָזען מעהר פערדולען א קאָפּ מיט פעטיציאָנען צום קאָנגרעס און צום פרעזידענט און איבערהויפט מיט חלומות אויף אירגענד וועלכע אריינמישונג פון אמעריקא אָדער פון אן אנדער לאנד אין רוסלאנד וועגען אידען. נאָר מענשען, וואָס האָבען קיין ברעקעל פערשטאנד אין דיפּלאָמאטיע און אינטערנאציאָנאלע פּאָליטיק, קענען זיך איינבילדען, דאָס אירגענד וועלכע רעגירונג וועט וואגען אפילו צו געבען אָנצוהערענעס אָ פ י צ י ע ל דער רוסישער רעגירונג, אז זיא זאָל בעסער בעהאנדלען איהרע אידישע אינטערטאנען. וויא פיעל מען זאָל ניט פערפאָלגען, אונטערדריקען, רויבען און מאָרדען אידען אין דער רוסישער אימפעריע, וועט עס הייסען, נאָך דיא יעצטיגע אינטערנאציאָנאלע פיהרונגען און געזעצע, אן א י נ ע ר ל י כ ע פ ר א ג ע, אין וועלכער קיין אויסלענדישע מאכט טאָר זיך ניט אריינמישען, אויב זיא וויל ניט אונטערברעכען איהרע דיפלאָמאטישע פערבינדונגען און פערפיהרען א מלחמה מיט רוסלאנד. קענט איהר זיך פאָרשטעלען, אז אירגענד וועלכע רעגירונג זאָל פערקריכען אין א מלחמה מיט דעם צאר'ס מיליאָנען סאָלדאטען צוליב דעם, וואָס מען וועט מאכען נאָך אזעלכע פאָגראָמען וויא אין קישינעוו? אויב איהר זייט אזא געשיקטער דיפלאָמאט, דאן מעגט איהר אויך פּרובירען נאָך א מאָל דיא קאָמעדיע מיט אן אמעריקאנער פעטיציאָן צום צאר.

לאָמיר זיך ניט נארען. רוסלאנד איז לײדער אזוי שטארק מיליטעריש, דאָס זיא פיהרט דיא גרענדע אין דער וועלט־פּאָליטיק און דאָס יעדע מאכט זוכט איהר לאסקע און בויגט זיך פאר איהר. אָנקעגען דעם, וויא שטארק ער זאָל ניט בעררייסען זיין נאָז געגען שוואכערע פאר איהם, איז ניט אן אויסנאהמע. אָט זיצט פאָניע אין מאנדזשוריא, טראָטץ אלע פּראָטעסטען פון אמעריקא, ענגלאנד און יאפאן צוזאמען און ער וועט דאָרטען פערבלייבען, וויא פיעל דיא אמעריקאנער רעגירונג זאָל ניט פערלאנגען דיא זאָגענאנטע „אָפען־דאָר“ (אָפענע טהיר), דאָס הייסט פרייען האנדעל, אין דער כינעזישער אימפעריע. אויך קען גאָר ניט און וועט גאָר ניט אויספיהרען אמעריקא מיט איהרע פּראָטעסטען געגען דעם, וואָס רוסלאנד לאָזט ניט אריין אמעריקאנער אידען. וויא פיעל מאָל האָט מען שוין אין קאָנגרעס געפאָדערט, דאָס אין רוסלאנד זאָל מען ניט מאכען קיין אונטערשיעד צווישען אמעריקאנער בירגער צוליעב זייער רעליגיאָן, און דיא רוסישע רעגירונג האָט עס געהערט וויא דיא קאַץ. נאָך מעהר, דיא אמעריקאנער רעגירונג איז ניט געוועזען דיא איינציגע צו פּראָטעסטירען, וואָס איהרע אידישע בירגער לײדען דורך דיא רוסישע אנטיסעמיטישע געזעצע — דיא ענגלישע, פראנצויזישע, איטאליענישע און בעלגישע רעגירונגען האָבען דאָס זעלבע געטאָן; אָבער רוסלאנד קימערט זיך גאָר ניט וועגען דעם.

אגב אורחא וועלען מיר בעמערקען, אז עס זיינען דאָ איינינגע פּאָליטישענס אין אמעריקא, וואָס זוכען צו מאכען זיך א נאָמען און צו פאנגען אידישע שטימען דורך דעם, וואָס זיי ברענגען אריין אין קאָנגרעס רעזאָלוציאָנען וועגען דיזע פאספאָרט־פראגע. זיי ווייסען גאנץ גוט, אז אלע זייערע רעזאָלוציאָנען וועלען פערבלייבען אויפ'ן פאפיר, דען דיא רוסישע רעגירונג וועט צוליעב דעם ניט ענדערן איהרע אנטעסימיטישע

געזעצע און וועט איבערהויפט ניט מאכען אן אויסנאהמע פאר אמעריקאנער אידען; אָבער זיי ווייסען ניט וויניגער, אז דערמיט קען מען פערבלאָפען דיא אַנוויסענדע אידישע עמיגראנטען און זיי שיטען זאמד אין דיא אויגען.

קורץ, אמעריקא וועט אונטער קיינע אומשטענדען ניט אַרויסטרעטען אָפיציעל מיט א וואָרט געגען רוסלאנד צוליב דיא אידען. דאָס זעלבע איז נאטירליך מיט ענגלאנד און אנדערע אייראָפעאישע מעכטע. פון אירגענד וועלכע אריינמישונג פון אנדערע מעכטע אין אירגענד וועלכע אנגעלעגענהייט, וועלכע דיא רוסישע רעגירונג בעטראכטעט אלס אן אינערליכע, איז גאָר לעכערליך צו דענקען.

אלעס וואָס אידען אין דער וועלט קענען טאָן צו העלפען זייערע אונגליקליכע ברידער אין רוסלאנד איז, אלזאָ, נאָר צו זאמלען געלט, ערשטענס, פאר דיא אָפפער פון דיא פּאָגראָמען, און, צווייטענס, פאר דיא יעניגע, וואָס וואנדערן אויס. אָנשטאָט צו פערנעהמען זיך מיט פוסטע חלומות אויף דיא אריינמישונגען פון אירגענד וועלכע רעגירונג צו גונסטען פון דיא רוסישע אידען, אָנשטאָט א פערדרעהעניס און פערבלענדענעס מיט פּעטיציאָנען און רעזאָלוציאָנען, דארף מען זעהען צו שאפען וואָס א גרעסערן פאָנד צו שטיצען עמיגראנטען אין אזעלכע לענדער, וואו זיי קענען האָבען דיא מעגליכקייט צו מאכען א לעבען. דאָס איז דיא איינציגע פּראַקטישע הילפע, וואָס מען קען אויסערהאלב רוסלאנד לייסטען דיא רוסישע אידען. אלעס אנדערעס איז נאָר פוסטע רייד.

אָבער וויא פיעל אידען עס זאָלען ניט אויסוואנדערן פון רוסלאנד, דיא גרויסע מאסע וועט דאָרטען דאָך פערבלייבען. עס איז לייכט צו זאָגען: עמיגרירען, אָבער, צום אונגליק, געפינען זיך אין דער רוסישער אימפּעריע איבער 5 מיליאָן אידען, איבער א העלפט פון דעם גאנצען אידישען פאָלק. עס איז אונמעגליך, דאָס אזוי פיעל מענשען זאָלען קענען אויסוואנדערן אפילו ווען זיי זאָלען האָבען מיט וואָס צו דעקען דיא רייזע קאָסטען. דאָס קען נאָר אפשר אויסגעפיהרט ווערען, ווען דיא רוסישע רעגירונג זאָל זיי הייסען אויסוואנדערן, דאן וועט מען קיין אנדער ברירה ניט האָבען, וויא צו פערלאָזען רוסלאנד אָדער זיך צו טויפען אזוי וויא אין שפּאניען צו ענדע פון 15טען יאהרהונדערט. אָבער דיא רוסישע רעגירונג ווייס פון דער געשיכטע, וויא פיעל שפּאניען האָט פערלאָרען דורך דיא אויסוואנדערונג פון אידען, און זיא וועט אזא דומען פעהלער ניט מאכען. א רוסישער מיניסטער אָדער אן אנדער גרויסער בלוט־הונד פון צאר קען זיך א מאָל זאָגען, אז „דער גרענעץ איז אָפען פאר אידען“, אָבער דאָס איז נאָר סתם גערעדט, אום צו בעליידיגען די אידען. אין דער ווירקליכקייט מוז א איד קריגען א גובערנאטאָר־פּאספּאָרט, אום געזעצליך אריבערצוגעהן דעם גרענעץ, וועלכער ווערט שטארק בעוואַכט פון סאָלדאטען. זאָל זיך נאָר אָנהויבען א ווירקליכע מאסען־אויסוואנדערונג פון אידען, וועט מען אויפהערען ארויסצוגעבען פּאספּאָרטען און דיא גרענעץ נאָך מעהר בעוואַכט ווערען.

דיא מיליאָנען רוסישע אידען מוזען אלזאָ בלייבען אונטער דער זיסער השגחה פון דעם צאר מיט זיינע בלוטהינד און זיך פערלאָזען אויף זייערע אייגענע קרעפטע, וויא ווייט זיי וועלען קענען אויסהאלטען דיא אונטערדריקונגען. פון אויסלאנד קענען מיר זיי נאָר העלפען מיט א קרעכץ. נאָר וואָס זאָלען זיי טאָן? וואָס קענען זיי טאָן אונטער דיא שרעקליכע אומשטענדען, אין וועלכע זיי געפינען זיך? שיקען דעפּוטאציאָנען צום צאר און צו זיינע מיניסטערס? דאָס וועט אזוי פיעל העלפען, וויא פאסטען און זאָגען תפילות אין דיא שולען. זיך אונטערשמייכלען צו דער פּאָליציי, זינגען מה יפית פאר אוריאדניקעס און פּריסטאווען? דאָס הייסט נאָך מעהר ערנידעריגען זיך, נאָך מעהר לאָזען רייטען אויף זיך.

ניין, מען מוז גראדע האנדלען פערקעהרט. מען מוז גראדע זוכען צו פערטהיידיגען זיך אזוי, אז דיא פערפאָלגערס זאָלען האָבען פיעל־וויניג אָבשיי אָדער אז מען זאָל דיא אונטערדריקטע וואָס וויניגער פעראכטען. דערצו איז נאָר דאָ איין מיטעל און דאָס איז דיא זעלבסטפערטהיידיגונג, וועלכע דער „בונד“, דיא סאָציאליסטיש־רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציאָן פון אידישע ארבייטער אין רוסלאנד, האָט פּאָרגעשלאָגען און טיכטיג אָנגעפאנגען אויסצופיהרען, נעמליך: געוואלט געגען געוואלט, געווער געגען פּאָגראָמסטשיקעס.

וואָס וויניגער די בעפאלענע אידען וועלען זיך זוכען צו בעהאלטען אין קעלערס, אונטער דיא דעכער אָדער אפילו ביי פריינדליכע קריסטען; וואָס וויניגער זיי וועלען אויסשטעלען קרייצען און איקאָנעס (הייליגע קריסטליכע בילדער) אין

דיא פענסטער פון זייערע הייזער; וואָס מעהר זיי וועלען זך בעשיצען ביד חזקה; וואָס מעהר זיי וועלען זיך וועהרען מיט רעוואָלווערס אין דיא הענד — אלץ וויינינגער חשק וועלען דיא פּאָגראָמסציקעס האָבען זיי אָנצוגרייפען און אלץ מעהר אכטונג וועלען זיי געווינען אין אלע קלאַסען פון רוסישען פּאָלק. דיא רוסען שעצען זעהר טאפּפערקייט און מוטהיגע זעלבסט-פערטהיידינונג און די אידען וועלען דארום געווינען א סך אין דיא אויגען פון דער רוסישער מאסע, ווען זיי זאָלען אויספיהרען דיא פערטהיידיגונגס-פּראָגראם פון „בונד“. דיא פּאָגראָמסציקעס וועלען דאן וויסען, אז זיי ריזיקירען מיט זייער לעבען און וועלען יעדענפאלס ניט בלייבען אונבעשטראָפט, ווען זיי וועלען זיך א לאָז טהאָן צו רויבען און צו מאָרדען דיא „זשידעס.“ וועלכע זיי האָבען ביז יעצט אויף פעראכט אלס פיינלינגע.

דיא צאָהל פון אמת'ע פּאָגראָמסציקעס איז אין ערגעץ ניט געווען גרויס. אלע בעריכטען פון קישינעוו שטימען איין, אז סך הכל 400 פּאָגראָמסציקעס האָבען דאָרטען אָנגעמאכט דעם שוידערליכען חורבן. ווען דיא אידען וואָלטען זיך נעהאלטען מוטהיג און זיך געוועהרט אפילו אין א צעהנדליג הייזער, וואָלט עס ניט געקומען צו אזא חורבן. וויניגבטענס, עטליכע פּאָגראָמסציקעס וואָלטען שוין ניט געקענט געהן ראבעווען און מאָרדען ווייטער. עס איז אמת, אז דיא פּאָליציי האָט ניט דערלאָזען א קליינעם טהייל אידען ארויסצוטרעטען געגען דיא פּאָגראָמסציקעס, אָבער ווען זייער צאָהל וואָלט געווען גרעסער און ענערגישער, וואָלטען זיי זיך געקענט דורכרייסען און בעשיצען האָטש עטליכע הייזער.

נאָר דיא קישינעווער אידען האָבען נאָך אָן ענטשולדיגונג, אז זיי האָבען זיך ניט געריכט אויף אזא שרעקליכען פּאָגראָם און זיי זיינען ניט געווען פאָרבערייטעט. יעצט אָבער וועט מען שוין ניט האָבען אזא ענטשולדיגונג, ווען א פּאָגראָם וועט אויסברעכען ערגעץ אין רוסלאנד, און דיא שאנדע וועט זיין גרעסער, ווען דיא אידען וועלען זיך צולויפען ווי מייז און זיך גאָר ניט וועהרען צו פערטהיידיגען זיך זייערע פרויען און קינדער.

איבערלייגט עס אליין, בעטראכט דיא גאנצע לאַגע מיט אָפענע אויגען, עהרליך און אויפריכטיג, און איהר וועט זיך איבערצייגען, אז געגען פּאָגראָמען איז ניטאָ קיין בעסערער שוץ-מיטעל, וויא א זעלבסטפערטהיידיגונג ביד חזקה, און אז דער „בונד“ איז גערעכט, ווען ער האָט זיך גלייך נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם גענומען צו פּרעדיגען, דאָס אידען זאָלען זיך אין געהיים בעוואפנען, וויא ווייט דאָס איז נאָר מעגליך, און זאָלען אין יעדער שטאָט אָרגאניזירען שוץ-קאָמיטעטען.

מיר ווידערהאָלען, אין צייט פון פּאָגראָמען זעהען מיר ניט קיין אנדער הילפע וויא געוואלט געגען געוואלט, ווי געוועהר געגען פּאָגראָמסציקעס, וויא אויסצופיהרען דיא פּאָרשלעגע און פּלענער פון „בונד“. אויב דער לעזער מיינט, אז מיר זאָגען עס נאָר דערפאר, ווייל מיר זיינען סאָציאליסטען און האלטען נאטירליך מיט אונזערע חברים פון „בונד“, האָט ער א טעות; מיר זאָגען עס, ווייל דער „בונד“ האָט רעכט, ווייל דאָס איז דער בעסטער אויסוועג אונטער דיא אומשטענדען אין רוסלאנד.

פּ. קראנץ.

# טאָלסטאָי און זיינע ווערקע.

(אַ קורצער איבערבליק איבער דער ליטעראַרישער און פּראַקטישער טהעטיגקייט פון טאָל־סטאָי פון 1855 ביז 1893 יאָהר).

פון דר. ל. אקסעלראד.

אם ענדע פון 1855 יאָהר, נאָך דער קרימער מלחמה, האָט טאָלסטאָי זיך איבערגעצויגען נאָך פעטערסבורג. דיא גרעסטע ליטעראַטען פון יענער צייט האָבען מיט גרויס פרייד אויפגענומען דעם יונגען, בעוואוסטען און געשעצטען דיכטער, דערצו נאָך א סעוואסטאָפּלער העלד. (טאָלסטאָי האָט גענומען א'ן אנטהייל אין קרימער קריעג). אויף א פאָטאָגראפישע בילד פון יענער צייט איז טאָלסטאָי פאָרגעשטעלט צוזאמען מיט אלע דאמאלסדיגע בעוואוסטע רוססישע שרייבער (גריגאָראָוויטש, טורגעניעוו, אָסטראָווסקי, דרושזינין, נעקראסאָוו, סאָלאָגוב און פּאנאיעוו.)

דיא בעסטע דאמאלסדיגע רוססישע ליטעראַרישע קרעפטען האָבען זיך פעראייניגט צו א פּראָגרעסיווער טהעטיגקייט און האָבען ארויסגעגעבען דעם זשורנאל „סאָוורעמעניק" (צייטגענאָססע). מיט גרויס ערפאָלג האָבען זיי אויסגענוצט דיא קורצע בליה־צייט פון פּרעספרייהייט, וועלכע איז געוועזען אין רוססלאנד אין אנפאנג פון אלכסנדר דעם צווייטענס רעגיערונג. דער ליטעראַרישער קרייז האָט טאָלסטאָיען פאַרגעלייגט מיטצוארבייטען. דער דיכטער איז אָבער געוועזען מרה שחורה'דיג. אלע האָבען געגלויבט אין ענטוויקלונג, פּראָגרעס, אין א בעסערע צוקונפט און אז עס איז אָנגעקומען דער ריכטיגער מאָמענט דאפיר צו ארבייטען. טאָלסטאָי וויל עס ניט הערען און זעהען. אין דיא דעבאַטען איז ער געוועזען זעהר איינגעשפּארט; אנשטאט מיטגעפיהל צו דיא שטרעבונגען פון זיין צייט איז ער געוועזען פארנומען מיט דער פילאָזאָפישער פראגע: וואָס איז אזוינס אבסאָלוטע וואהרהייט? ווען מען פלעגט רעדען פון פּראָגרעס, פלעגט ער פרעגען, וואָס בעדייטעט אייגענטליך פּראָגרעס. קורץ, אלע ליטעראטען, וועלכע זיינען געוועזען בעגייסטערט מיט דיא אידעען פון זייער צייט, האָבען מיט דעם סקעפּטישען דיכטער גאָר נישט געקענט אָנהויבען צו טהאָן. פּראָפעסאָר גאלגוי, אין זיין בוך „לעא טאָלסטאָי אלס א רוסישער רעפאָרמאטאָר" (קיעל 1893 יאָהר), ברייננגט זיין האלטונג אלס א בעוויז פון זיין פילאָזאָפישער טיעפקייט און זיין גרויסער ערנסטקייט. מיר זיינען ניט מיט דיזער מיינונג. דער גרויסער דייטשער פילאָזאָף קאנט האָט זיך זעהר געפרייט, ווען עס האָט אויסגעבראָכען דיא פראנצויזישע רעוואָליציאָן גאָר אָהן חקרנות'שאפט וואָס איז אזוינס רעוואָלוציאָן אן און פיר זיך. ניט טאָלסטאָי'ס פילאָזאָפישע טיעפקייט האָט אָבגעהאלטען איהם צו נעהמען א'ן אנטהייל אין דעם „סאָוורעמניק," זאָנדערן דער מאנגעל פון לוסט צום לעבען און דער קליינער צוזאמענהאנג מיט דיא ראיעלע לעבענסקרעפטע.

אין פעטערסבורג האָט טאָלסטאָי געוואָהנט איאָהר צייט. אויסגעמאטערט פון דעם גרויסשטאדטיגען לעבען, האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק אין זיין גוטסבעזיץ „יאסנאיא פּאָליאנא." דאָס איינפאכע דאָרף־לעבען, דיא נאטור און לאנדווירטשאפט, מיט וועלכע ער האָט זיך בעשעפטיגט, האָבען בערוהיגט דעם געמיט פון דעם דיכטער.

אָבער באלד האָט ער זיך ווידער אָנגעהויבען שלעכט צו פיהלען, ער האָט בעשלאָסען מאכען א רייזע אין אויסלאנד; ער האָט בעזוכט דייטשלאנד און פּאריז, וואו ער האָט געזעהען מיט זיינע אייגען ווי מען האָט הינגעריכטעט א מענשען און דאָס האָט אויף איהם געמאכט איין גרויסען איינדרוק. אין דערזעלבער צייט איז געשטאָרבען זיין היים געליעבטער ברודער און

פריינד ניקאָלאַי. דיעזער פאַל האָט איהם אויף א געוויסער צייט צערבראָכען. זיין געדריקטע שטימונג פון יענער צייט איז גוט אויסגעדריקט געוואָרען אין זיינע צוויי ערצעהלונגען „לוצערן" און „אַלבערט." ווי מען קען זעהען פון זיין „ודוי" פון יענער צייט, איז ער זעהר פערנומען מיט דער פראַגע: „וואָס איז דער טוידט?" דיא פראַגע איז ביי איהם איינע פון דיא וויכטיגסטע. אין זיין ראָמאַן „קריעג און פריעדען" איז דער טוידט אזוי קינסטלעריש בעשריעבען, אז מען פיהלט גלייך, דאָס דער פערפאַסער האָט דעם טוידט מעהר אלס איינמאָל אין זיין פאַנטאַזיע איבערגעלעבט.

טאָלסטאָי רעכענט דעם טוידט פון זיין ברודער אלס א ווענדעפונקט, זייט וועלכען זיין לעבען און וועלטאַנשויאונג האָבען אָנגענומען איין אַנדער פאָרם. נור ער האָט א טעות, ניט ־ער טוידט פון זיין ברודער איז דיא אורזאַכע פון זיין פעססימיזמוס, זאָנדערן אומגעקעהרט, ער האָט דיעזען טוידט צוגעגעבען אזא בעדייטונג דורך זיין פעססימיסטישער שטימונג.

ניט דער פונק, וועלכער פאַלט אריין אין א פאַס פון פולווער, איז דיא סבה פון עקספּלאָזיאָן, זאָנדערן דיא שפרענג־קראַפט פון דעם פולווער גופא.

באַלד נאָך דעם ברודער'ס טוידט איז טאָלסטאָי אוועק צוריק נאָך רוסלאַנד און האָט פאַרבראַכט א יאָהר לאַנג אין „יאסנאיא פאָליאנא." ער האָט בעשלאָסען וויעדער פאָהרען קיין אויסלאַנד, אָבער דיעזען מאָל שוין מיט א בעשטימטען צוועק. דערווייל האָט ער זיך בעשעפטיגט מיט געבען אונטעררכט בויערישע קינדער און האָט געהאַט א כונה איינצוריכטען א פאָלקס שולע. דער הויפּטצוועק פון זיין רייזע איז געווען דאָס שטודיום פון שולען און אונטעררכטס מעטהאָדען.

אלס ער האָט זיך אין 1861 יאָהר צורקגעקעהרט נאָך „יאסנאיא פאָליאנא" האָט ער אויף זיך גענומען דעם אמט פון א „מיראָוואָי פּאָסרעדניק" (פריעדענס פערמיטלער). צוגלייך האָט ער געגרינדעט א שולע און האָט אָנגעהויבען ארויסצוגעבען איין צייטשריפט אונטער דעם טיטעל: „יאסנאיא פאָליאנא."

מיט גרויס געדולד און מוטה האָט טאָלסטאָי געאַרבייט אויף אַלע דיעזע געביטען. אין דעם פעדאַגאָגישען זשורנאַל האָט ער בעשריעבען זיין אונטעררכטס מעטהאָדע, וועלכע האָט צוגעצויגען צו זיך דיא אויפמערקזאַמקייט ניט נור אין רוסלאַנד, זאָנדערן אויך אין מעריב אייראָפּאַ. דיא שולע איז געווען מיט'ן פולען זינן פון וואָרט א „פרייע שולע." דיא קינדער פלעגען קומען און אַוועקגעהען, ווען זיי האָט זיך פערגלוסט, געטהאָן וואָס זיי האָט זיך געוואָלט, געלערנט וואָס זיי איז געפעלען געווען אָהן קיין שום דיסציפּלין און צוואַנג. עס האָבען עקסיסטירט נור דיא רעגעלען, וועלכע דיא תלמידים אליין האָבען געהאַלטען פיר נויטיג איינצופיהרען. דיא אויפגאַבע פון דיא לעהרער איז בעשטאַנען אין דעם, צו ערוועקען אין דיא קינדער דעם לוסט צו וויסענשאַפט און פאַראינטערעסירען זיי מיט דעם בעטרעפענדען געגענשטאַנד. דער פעדאַגאָגישער גרונדזאַץ פון טאָלסטאָי איז געווען: „דער לעהרער דאַרף קיינמאָל האַלטען אין געדאַנק, אז אין מיסערפאָלג זיינען שולדיג דיא תלמידים. ער מוז זיין איבערצייגט, אז ער זעלבסט קען זיין דערין שולדיג; דען וואָס וועניגער ער איז בעקאַנט מיט זיין אונטעררכטסשטאָף, אַלץ מעהר מוז ער ברויכען שטרענגיגקייט און צוואַנג. און וואָס מעהר ער וויים זיין געגענשטאַנד, אלס נאַטירליכער און פרייער מוז זיין זיין אונטעררכט." אין דיעזע ווערטער זעהט מען דעם איינפלוס פון דעם פראַנצויזישען שרייבער רוססאָ.

דיא שילער פון דיעזער פרייער שולע האָבען געמאַכט גוטע פאָרטשריטע, האָבען געליעבט דיא לעהרער מיט דעם לערנען.

דיעזע טהעטיגקייט, וועלכע האָט געדויערט 3 יאָהר, האָט זעהר איינגעמאַטערט טאָלסטאָיען. דיא פראַגען „צוליעב וואָס" און „צו וועלכען צוועק" האָבען איהם פון דאָס נייע פערנומען. איבער דיעזען פעריאָד פון זיין לעבען דריקט ער זיך אזוי אויס אין זיין „ודוי": „דיא ספקות און פשרות פון דיא צדדים אין משפט זיינען מיר געווען אזוי שווער, מיין טהעטיגקייט אין דיא שולען האָט זיך בעוויזען אזוי אונקלאָר, מיין געמאַכטער טאָן אין זשורנאַל, וועלכער איז אימער געווען אין איין בעשטאַנד — אַלעמען צו בעלעהרען און פון אַלעמען צו פאַרדעקען דאָס וואָס איך האָב אליין ניט געוואוסט — איז מיר געווען אזוי ווידערליך, אז איך בין קראַנק געוואָרען מעהר גייסטיג אלס פיזיש. איך האָב אַלעס געוואָרפען און בין אוועק געפאָהרען אין דיא באַשקירען־סטעפען, כדי צו אָטהמען פרישע לופט, טרינקען קומיס און צו פיהרען א

טהירישען לעבען.״ דיא אינערע רעוואָלוציאָן, וועלכע ער האָט דורכגעמאכט איז ביי יענער צייט אין זיין גייסט פּאָלשטענדיג צייטיג געוואָרען. נאָך זיין איבערצייגונג, וואָלט זיא איהם שוין דאמאלס דורכגעדרונגען, אויב איהם וואָלט ניט אויסקומען דורכצומאכען א נייע לעבענס־אויפגאבע. ער האָט נעמליך חתונה געהאט 34 יאָהר אלט מיט א 18 יעהריגער מיידעל.

צוויי וואָכען נאָך דער חתונה האלט זיך שוין טאָלסטאָי פאר א פאָלקאָם נייען מענשען. דיא בעדינגונגען פון זיין גליקליכען פאמיליען־לעבען, דיא זאָרג איבער זיין פרוי, שפּעטער איבער דיא קינדער, האָבען ביז א געוויסען גראד אָבגעבראָכען זיין זוכען פון דעם אלגעמיינעם לעבענסצוועק. טאָלסטאָי האָט געארבייט אונערמידליך אלס גוטסבעזיטצער, פאמיליענפאטער, יעגער און דיכטער. אין דיעזען פערהעלטניס־מעסיג רוהיגען פעריאָד פון זיין לעבען זיינען לאנגזאם צייטיג געוואָרען זיינע ביידע גרויסע ראָמאנען, וועלכע האָבען איהם געזיכערט איין עוויגען פלאטץ אין דער וועלטליטעראטור, נעמליך „קריעג און פריעדען״ און „אננא קארענינא.״

דאָס דער איננערער פעססימיסטישער און מיסטישער געדאנק האָט זיך אין איהם ווייטער ענטוויקעלט אפילו אין יענער צייט אויך, קען מען לייכט זעהען פון דיעזע זיינע ראָמאנען. צוויי העלדען פון דעם ראָמאן „קריעג און פריעדען,״ גראף בעזוחי און פירסט באלקאנסקי, כאראקטעריזירען דעם איננערען קאמפף פון דעם דיכטער. ביידע זיינען טיעף פעססימיסטיש געשטימט, ביידע חקרן׳ען זיך איבער דעם אלגעמיינעם צוועק פון לעבען. גראף בעזוחי און פירסט באלקאָנסקי זיינען אין זייער גרונדשטימונג גאנץ ערליך. דאָך זיינען זיי אין זייער גייסט־ריכטונג אין גאנצען פערשיעדען. באלקאנסקי איז א פעססימיסט און א סקעפּטיקער. ער איז ניט אימשטאנדע צו געפינען אין דער אמונה אָדער אין איין אנדערער מיסטישער לעהרע א נייעם קוואל פיר דאָס לעבען, וועהרענד גראף בעזוחי בעזיצט דיעזע פעהיגקייט. אזוי לאָזט טאָלסטאָי דעם גראף בעזוחי אריינטרעטען אין דער פראנמאססאָנער „פריי מוליארעם לאָזשע״, וואו דער העלד ערפילט מיט הייסע תפלות און מיט גרויס הכנעה אלע צערמאָניעס. דיעזע סצענע עראינערט אונז דירעקט דאָס, וואָס טאָלסטאָי האָט זיך שפּעטער מכניע געווען פאר איין „אונוויסענ־דען גלח״, האָט דעם הייליגען אבענדמאָהל גענעסען און האָט זיך גענויט „שרעקליכע ענוים״ צו גלויבען, אז דער ברויט און וויין, וואָס ער האָט געגעסען, איז פלייש און בלוט פון כריסטוס (טראנסובסטאנציאציאָן). גראף טאָלסטאָי מאכט דיא פראָבע פריהער מיט זיינע העלדען.

אין דעם פערפאסער קעמפּפען דער סקעפּטיציזמוס מיט דער אמונה, ווען ער האָט נאָך געשריעבען זיין ראָמאן „קריעג און פריעדען״, אין וועלכען, ווי ער דריקט זיך זעלבסט אויס, האָפּט ער צו געפינען דעם לוסט צום לעבען.

אזוי ווי דער אויטאָר זעלבסט האָט דערנאָך געפונען דעם מקור פון לעבען אין דער פאָלקסמאסע, אזוי האָט גראף בעזוחי ענדעקט אין דעם רעליגיעזען קאראטאיעוו דעם וואהרען זינן פון לעבען. קאראטאיעוו, וועלכער שטעלט פאָר דיא פאָלקסמאסע, איז א מיסטישער וועזען. פון זיין מויל פליסען וואהרהייטען, וועלכע דיא געטליכע פערנונפט האָט איהם ענטדעקט. ער ווייס אונמיטעלבאר דעם צוועק פון לעבען, ער פיהלט זיין אייניגונג מיט גאָטט, גלויבט, ליעבט, ארבייט און איז פאָלקאָם גליקליך. קאראטאיעוו עראינערט אונז גרישען, דעם וואנדערער צו הייליגע ערטער, וועלכער איז בעשריעבען אין טאָלסטאָי׳ס ערשטע נאָוועלען „קינדהייט״, „קנאבענהייט״ און „יוגענד.״

איך וועל מיך ערלויבען אויסוועהלען נאָך א כאראקטעריסטישען צוג פון זיין „פריעדען און קריעג״: דיא מאסענפּסיכאָלאָגיע. ווען טאָלסטאָי האָט צו טהאָן מיט דער מאסע, סיי אין דער צייט פון קריעג, סיי אין דער צייט פון פריעדען, ערשיינט זיא פיר אונז ניט ווי עטוואָס א מעכאנישע צונויפזעטצונג, זאָנדערן וויא א כעמישע. דער מענש דענקט און פיהלט גאנץ אנדערש ווען ער איז אליין, אלס ווען ער געפינט זיך צווישען א מענגע מענשען. ארויסגעהענדיג פון דיעזען געזיכטספונקט, דאָס דיא מענגע בעזיצט אן אייגענטהימליכע פסיכאָלאָגיע, קומט ארויס, אז ניט דער העלד בעהערשט דיא מענגע, זאָנדערן אומגעקעהרט, דיא מענגע בעהערשט דעם העלד.

א העלד איז נור דער, ווער עס פיהלט דירעקט דיא שטימונג פון דער מענגע און דריקט אויס ריכטיג איהר מיינונג. קוטוזאָוו איז דערפאר אן אויסגעצייכענטער פעלדמארשאל, ווייל ער פיהלט מיט דעם חיל, ווייל ער איז פעסט איבערצייגט, אז ניט זיין פערזענליכע טאפּפערקייט

וועט איהם ברייננען דעם נצחון, זאָנדערן דיא שטימונג פון דעם חיל. ער שלאָפט ביי יעדען קריעגסראַט, ווייל ער ווייס, אז פון אלע גניאַלע סטראַטעגישע פּלענער וועט גאַר נישט ווערען, ווען דיא סאָלדאַטען וועלען ניט גוט געשטימט זיין. דער זעלבער שלאָפּעדיגער אַלטער, וועלכער איז דורכגעדרונגען מיט גדולה, איז גרייט מיט גרויס בעגייסטערונג אָנצופאַלען אויף דעם פיינד ווען ער זעהט, אז דיא סאָלדאַטען זיינען געוואַשענע און אויסגעפּוצטע און וואַרטען אויף דער שלאַכט ווי אויף א יום טוב, ווי עס איז געשעהען פאר דעם שלאַכט ביי באָראָדינאָ. נאָך דיעזער שלאַכט פערליערט נאַפּאָלעאָן זיין שטראַהלען־קרוין. פון א גרויסען און גניאַלען העער־פיהרער, ווערט ער איין איינפאַכער און זאָגאַר איין אונגליקליכער הערשער. דאָס קומט דערפון, ווייל דיא פראַנצויזישע אַרמעע האָט זיך נאָך דער שלאַכט צוגליעדערט ווי א כעמישע פערבינדונג אויף איהרע עלעמענטען. אין דיעזען מאָמענט שטעהט שוין ניט פאר אונזערע אויגען א קאָמפּאַקטע מאסע פון א מחנה חיל, זאָנדערן צוזייטע און צושפּרייטע איינציגע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען פארנומען יעדער מיט זיינע אייגענע אינטערעסען. קיינערליי בעפעהלען, קיינערליי פערשפּרעכונגען זיינען געוועזען אים שטאַנד דיא צושטרייטע און צושפּרייטע אַרמעע צונויפצונעהמען צוזאַמען אין איין קאָלעקטיווער איינהייט. ווערט פון דער מאסע גאר נישט, פערשווינדעט אויף דער העלד. דער אינהאַלט פון דער מאסע איז דאָס אונבעוואוסטע, וועלכעס ווירקט אין איהר און דורך איהר אויף דעם העלד. דאָס אונבעוואוסטע ווירקען איז דיא סבה פון דיא היסטאָרישע באַסירונגען. „נור דיא אונבעוואוּסטע טהעטיגקייט ברייננט פרוכטען, און דער מענש וואָס שפּיעלט א ראָלע אין וועלכער עס איז היסטאָרישער פּאַסירונג, פאַרשטעהט ניט קיינמאָל איהר בעדייטונג. ווי נור ער הויבט אָן וועלען זי צו פערשטעהען, הערט ער אויף צו ברייננען פרוכטען („קריעג און פריעדען" באנד 4, זייטע 19, מאָסקווי, 1889 יאָהר)."

דיא ראָלע פון א פערזענליכקייט אין דער געשיכטע איז לייכט צו בעגרייפען, ווען עס איז אונז גוט בעקאַנט דיא מאסענפּסיכאָלאָגיע. „ניט קיין מאכט, ניט קיין זשעניע, ניט יעדערער בעזונדער, אויך ניט ביידע צוזאַמען, זיינען אים שטאַנד ארויסצורופען א פעלקער בעוועגונג, ווי דיא עלטערע היסטאָריקער האָבען געגלויבט. זאָנדערן דיא פעלקער בעוועגונג איז איבערהויפּט א פּראָדוקט פון דער טהעטיגקייט פון אלע מענשען, אָהן קיין שום אויסנאַהם, פון דיא אלע, וועלכע נעהמען א'ן אנטהייל אין דיא בעטרעפענדע פּאַסירונגען. („קריעג און פריעדען זייטע 452"). „מיר גלויבען, אז נאַפּאָלעאָן'ס ווילען איז געווען דיא אורזאַכע פון דער מלחמה פון 1812 יאָהר, ווייל מיר בעטראַכטען א גרויסע צאָהל פּאַסירונגען, וועלכע האָבען פאָרבערייט דיעזע מלחמה, אלס איין איינציגע פּאַסירונג. דיעזער היסטאָרישער פּאַקט ווערט ערקלערט אלס א רעזולטאַט פון דער ענערגיע און אויסשליסליך פון נעפּאָלעאָן'ס ווילען, באמת איז אָבער דיא מלחמה אבהענגיג ניט פון נאַפּאָלעאָן'ס ווילען זאָנדערן אומגעקעהרט, זיין ווילען איז געווען אָבהענגיג פון דער מלחמה. נאַפּאָלעאָן האָט געוואָלט דאָס, וואָס זיין צייט האָט פון איהם געפאָדערט." („קריעג און פריעדען זייטע 448").

פון דיעזען שטאַנדפּונקט בעטראַכט טאָלסטאָי דעם איינפלוס פון דער גענאַליער פערזענליכקייט: „לוטהער איז דעריבער געוואָרען א פיהרער פון זיין יאָהר הונדערט, ווייל ער זעלבסט איז געווען א פּראָדוקט פון זיין צייט. ער האָט געדענקט און געווירקט גלייך ווי זיין צייט האָט פון איהם געפאָדערט. ווען עס וואָלט אַנדערש געוועזען, דאַמאַלסט וואָלט זיין ווירקונג געווען אָדער אונמעגליך אָדער אוננאַטירליך. ווען לוטהער וואָלט געווען ניט עהנליך זיינע צייטגענאָסען, דאַן וואָלט ער פערשוואונדען ווי אַן אונבעגרייפליכע ערשיינונג, דאָס אייגענע איז מיט רוססאָ און מיט אנדערע גרויסע מענשען." דיא ארבייט פון דיא גרויסע פערזענליכקייטען בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי דריקען אויס דיא פאָרדערונגען און דיא טענדענצען פון זייערע צייטגענאָסען. דערמיט ווערט בעשטימט דער איינפלוס פון דעם זשעניע און זיין אינדיווידועלער ווילען.

ווען טאָלסטאָי האָט געענדיגט דעם ראָמאַן „קריעג און פריעדען," האָט ער זיך וויטער גענומען פיר פּעדאַגאָגיק. אין יאָהר 1870 האָט ער ארויסגעגעבען פּיעלע קליינע יוגענדשריפטען. אין יאָהר 1875 האָט זיין ארטיקעל איבער פאָלקסערציעהונג און בילדונג געמאַכט א גרויסען טומעל און האָט ארויסגערופען א לעבהאַפטע פּאָלעמיק, בעזאָנדערס פון דער זייט פון דער דייטשער פּעדאַגאָגיק, וועלכע טאָלסטאָי

האָט בעקעמפפט. וועהרענד דיזוער צייט האָט דער דיכטער אָנגעהויבען צו שרייבען זיין צוויי־טען בעריהמטען ראָמאַן „אננא קארענינא,“ וועלכען ער האָט פערעפענטליכט אין „רוססקי וועסטניק“ אין 1874־1876.

אין דיזען ראָמאַן איז שוין אין גאַנצען אַרויסגעטראָטען זיין מיסטיש־טעאָלאָגישע שטרעבונג. שוין אויף דער ערשטער זייטע פון דעם ראָמאַן האָט ער אויפגעשטעלט דעם פסוק: „לי נקם ושלם“ (מיין איז דיא נקמה און דער שכר). דערמיט האָט ער געוואָלט אָנדייטען, דאָס דיא תאוה׳דיגע, ליידענשאַפטליכע ליעבע פון דער העלדין אננא קארענינא צו דעם העלד ווראָנסקי מוז בעקומען איהר שטראָף. טאָלסטאָי איז אָבער א קינסטלער, און זיין געבאָרענער מאַלענט בעזיעגט דעב תוכן פון דעם פסוק. דער לעזער ווערט דורכגעדרונגען פון טיעפען מיט־געפיהל צו דער אונגליקליכער העלדין פון דעם ראָמאַן אזוי, אז ער פרעגט מיט פערוואונדערונג: צו וואָס איז נויטיג דאָ נאָך א שטראָף צו צו־הלעפען?

דער קינסטלער האָט מנצח געווען דעם נביא פון עוואַנגעליום.

ניט אומזאָנסט האָט טאָלסטאָי שפּעטער זיין קינסטלערישע פענזעל אין א זייט געלעגט; ער האָט זעהר גוט געפיהלט, אז דער קינסטלער איז אין איהם שטאַרקער אלס דער נביא.

נאָך דעם ראָמאַן „אננא קארענינא“ האָט טאָלסטאָי פערזוכט פאָרטצוזעצען זיין קינסט־לערישע טהעטיגקייט. ער האָט אָנגעהויבען צו שרייבען א ראָמאַן אונטער דעם נאָמען „דעקאַ־בריסטען,“ וועלכער איז ליידער ביז איצט געבלי־בען ניט געענדיגט.

דיא מיסטישע געדאַנקען, וועלכע האָבען גע־שוועבט אין זיין מוח, האָבען איהם געפיהרט אויף א נייעם וועג. ער האָט אָנגעהויבען א קרי־טיק פון טעאָלאָגיע (חכמת האלהות) **און אויך** גע־מאַכט אן איבערזעצונג און א פירוש אויף דעם עוואַנגעליום. נאָך דעם האָט ער אַרויסגעגעבען פאָלגענדע ביכער: „ודוי,“ „אין וואָס בעשטעהט מיין גלויבען,“ „וואָס זאָלען מיר טהאָן?“, „אין וואָס בעשטעהט דאָס גליק?“, „איבער דיא בע־שטימונג פון וויסענשאַפט און קונסט“, „איבער דאָס לעבען“, „גאָטטס מלוכה אין אונז זעלבסט,“ „וואָס איז קונסט?“

אַלע דיזע ווערק האָבען איהם געשאַפען פיעלע אנהענגער און שילער, וועלכע האָבען גע־בילדעט כמעט א רעליגיעזע סעקטע. פון דער אנדער זייט האָבען דיזע ווערק אַרויסגערופען א שאַרפע קריטיק געגען איהם. דיא רעוואָלוציאָ־נערע שריפטשטעלער זיינען אָנגעפאַלען אויף איהם וועגען זיין טהעאָריע ניט צו ברויכען געוואַלט געגען שלעכטס, דיא קאָנסערוואַטיווען — ווע־גען זיינע בייסענדע קריטיק פון איצטיגער אָר־דנונג, דיא גלחים — וועגען זיין אפּקורסות, דיא פּרייזיניגע — וועגען זיינע רעליגיעזע שטרעבונ־גען. דיא פערטרעטער פון שעהנע ליטעראַטור און קונסט האָבען געקוקט אויף איהם מיט פער־וואונדערונג און בעדויערן. זיי האָבען געזעהען, ווי אין דיא אַלע מיסטישע גלויבענס און חקירות ווערט פערלאָרען דער געניאַלער בעלעטעריסט פון רוסלאַנד.

פון 1861 יאָהר בעשרענקט טאָלסטאָי זיך ניט נור מיט טעאָלאָגישע טראַקטאַטען, וועלכע האָבען פאָרגעלייגט זיין נייע וועלטאַנשויאונג אין א לעהרהאַפטען טאָן, נור ער האָט אויך גע־שריעבען פיעלע קליינע פאָלקסערצעהלונגען, וועלכע זיינען זעהר פערשפּרייט פון זיינע אי־הענגער אין דיא פאָלקסמאַסען.

דיזע ערצעהלונגען, וועלכע זיינען פול מיט נסים ונפלאות, טראָטץ זייער איינפאַכהייט און רייכער שפּראַכע מאַכען זעהר א׳ן אונאַנגענעמען איינדרוק, דען ער פּרעדיגט גלייכצייטיג מיט דער ליעבע צום חבר אויך אבערגלויבעריי.

ווי עס שיינט, איז דעם דיכטער ניט אזוי לייכט אָבצורייסען זיך פון דער מוזע. אין 1880 יאָהר איז ערשיענען א פּרעכטיגע טיעף פּסיכאָ־לאָגישע ווערק „דער טוידט פון איליא איליטש,“ אין יאָהר 1887 — „דיא מאַכט פון פינסטערניס,“ אין 1890 — „קרייצערס סאָנאַטא.“

אין דיזע ווערקע זעהען מיר דיא מענשען אין זייערע ליידען און שמערצען, לעבען און ווירקען, טראָטץ דעם פערפאַסער׳ס טענדענץ צו בעלויכטען דיא ווירקליכקייט אים זינן פון זיין לעהרע. טאָלסטאָי ערשיינט אלס מייסטער אזוי גרויס און מעכטיג ווי פריהער.

איך וויל שליסען מיין קורצען ליטעראַרישען איבערבליק איבער טאָלסטאָי׳ס טהעטיגקייט מיט דיא ווערטער פון דעם גרויסען רוסישען שרייבער טורגעניעוו אין זיין בריעף צו טאָלסטאָי׳ען גופא: „וועה און לייד איז אונז, דאָס איהר, דער גרעס־טער קינסטלער פון רוסלאַנד, האָט אוועקגעלייגט אייער פענזעל אָן א זייט.“

# אידען אין רוסלאַנד.

זייער געשיכטע פון דיא עלטעסטע צייטען ביז היינטיגען טאג.

—פון—

אלכסנדר האַרקאַווי.

## פארוואָרט.

דיא געשיכטע פון דיא אידען אין רוסלאנד דארף אונז צו יעדער צייט פיעל אינטערעסירען, ווייל אין דיזען לאנד געפינט זיך דער גרעסטער טהייל פון אונזער פאָלק. בעזאָנדערס אינטערעסאנט מוז זיא אָבער זיין פיר אונז צו דיזער צייט, ווען דיא רוסישע אידען, וועגען דיא נייעסטע פערפאָלגונגען, זיינען אזוי פראָמינענט אויף דיא טאגעס־אָרדנונג. איך דענק דעריבער, דאָס דיא פאָרליעגענדע געשיכטע וועט ביי דעם אידיש־לעזענדען פובליקום יעצט זיין זעהר ווילקאָמען.

רוסיש־אידישע היסטאָריע איז נאָך וועניג אויסגעפאָרשט און איז נאָר פערצייכענט אין ברוכשטיקער. דיא עקסיסטירענדע פארפאסונגען איבער דיזען געגענשטאנד זיינען ענטוועדער מאָנאָגראפיען — אָבהאנדלונגען איבער איינצעלנע פאקטען — אָדער אונפאָלקאָמענע היסטאָריען פון שטעדט און פראָווינצען. א פאָלשטענדיגע געשיכטע פון אידען אין רוסלאנד איז א זאך פון דער צוקונפט; דערווייל מוזען מיר זיך בענוגענען מיט דעם קארגען מאטעריאל, וואָס איז ביז יעצט געליפערט געוואָרען.

אין דיא בעארבייטונג פון דיזער קורצער געשיכטע האָב איך זיך בענוצט מיט מעהר אלס א האלב דוצענד קוועלען, פון וועלכע די וויכטיגסטע זיינען: גרעטץ'ס „געשיכטע דער יודען“ (בענדער V—XI); דר. הארקאווי'ס „היהודים ושפת הסלאווים“ (ווילנא 1867); דר. מאנדעלקערן'ס „דברי ימי רוסיא“ (ווארשא 1875); שטערנבערג'ס „געשיכטע דער יודען אין פאָלען אונטער דען פיאַסטען אונד יאגיעללאָנען“ (לייפציג 1878).

רוסלאנד ענטהאלט מעהרערע לענדער און געגענדען, וועלכע האָבען אין פריהערדיגע צייטען געהערט צו אנדערע פעלקער, וויא דיא זיד־רוסישע פראָווינצען, דיא האלב־אינזעל קרים, דיא קאווקאזישע לענדער, דאָס קעניגרייך פוילען א. ז. וו. פיר דיזע געשיכטע געברויך איך דעם נאָמען רוסלאנד אין זיין יעצטיגען זין, וועלכער שליעסט איין אלע דיזע ערטער.

---

### ערשטעס קאפיטעל.

## עלטעסטע היסטאָריע פון אידען אין רוסלאַנד.

וואַנדערונג נאָך קאַווקאַז און קרים. — איבערגאַנג אין דעם לאַנד פון דיא כאָזאַרען. — בעזעצונג אין קיעוו. — סוויאַטאָסלאַוו און וולאַדימיר דער היילינער. — אידען אין פוילען. — דיא זאַגע וועגען אברהם פראָכאָווניק. — דעלעגאַציאָן פון דייטשע אידען צו לעשעק'ן. — דיא שפּראך פון דיא אידען אין רוסלאַנד.

נאָך דיא געזעצע פון רוסלאנד ווערען דיא רוסישע אידען בעטראכטעט פיר אויסלענדער, פיר פרעמדע. דאָס איז איינע פון דיא ביטערסטע איראָניען, וואָס מען בעגעגענט אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט. אויב דאָס רעכט פון א פאטערלאנד איז לאנג־יעהריגע חזקה, זיינען שוין אידען אין רוסלאנד לאנג גענוג דיא רוסען זעלבסט צו בעטראכטען אלס פרעמדע. אין קאווקאז, אויף דעם האלב־אינזעל קרים און אין דיא וואָלגא־געגענדען זיינען אידען געוועזען אנזעסיג נאָך איידער רוסלאנד האָט זיך געגרינדעט, און אין דעם פוילישען רייך זיינען

זיי געזעסען פאר רוריק'ן, רוסלאנד'ס ערסטען קעניג (862-879).

אידען זיינען געווען צושפרייט אין פרעמדע לענדער פיעל פריהער וויא ארץ יהודה איז אונטערגעגאנגען. אין 320 פאר קר. האָט פטאָלעמעאוס לאגי, קעניג פון עגיפּטען, געבראכט הונדערט טויזענד אידען אין מצרים. אין מאלאבאר, ביי דעם אראבישען מעער, זיינען אידען געבראכט געוואָרען א בעדייטענדע צייט פריהער פאר חרבן ירושלים. אזוי זיינען אויך געבראכט געוואָרען פיעלע אידען אין רוים, פון וואנען זיי האָבען זיך צושפרייט אין גאלליען (היינטיגעס פראנקרייך). פיעלע אידען האָבען פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג געוואנדערט אין מזרח און מערב און האָבען זיך בעזעצט ביי דעם שווארצען און קאספּישען מעער, אין דיא קאווקאזישע בערג און אויף דער האלבאינזעל קרים.

דאָס אידען זיינען אין גאנץ אלטע צייטען געווען אנזעסיג אין קאווקאז און קרים, איז דייטליך בעוויזען פון אידישע מאָנומענטען, וועלכע מען האָט אין דיזע ערטער געפונען. אין פאַנטיקאָפּעא (היינטיגע קערטש), אלוויאָפּאָליס און אנאפּא (קובאנסקאיא אָבלאסט, קאווקאז) — ערטער, וואו פארצייטען זיינען געווען גריעכישע קאָלאָניען — האָט מען געפונען מארמאָרנע טאפעלען מיט גריעכישע שריפטען און אידישען אינהאלט, פון וועלכע מען זעהט, דאָס אידען זיינען דאָרטען געווען נאָך פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג. דיא עלטעסטע פון דיזע טאפעלען איז פון דיא צייטען פון מיטהרידאטעס, קעניג פון באָספאָר, וועלכער האָט רעגיערט אין דעם יאָהר 41 פ. קר. אין טשופּוט-קאלע („דער אידישער פעלז"), א פארצייטיגער אידישער אָרט ניט ווייט פון באכטשיסאראי (אין טאווריטשעסקער גובערניע), האָט מען געפונען פיעלע אלטע אידישע מצבות, פון וועלכע דיא עלטעסטע איז פון דעם יאָהר „תש"ב לגלות שומרון," זעקס יאָהר פאר קריסטוס.

פון קאווקאז און קרים זיינען דיא אידען שפּעטער געקומען אין דיא געגענד, וואָס ליעגט צווישען דעם טייך וואָלגא און דעם דאָן. דיזע געגענד איז פיר זיי געווען זעהר גינסטיג, ווייל דאָרטען איז אין דיא ערסטע יאָהרהונדערטע פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג געזעסען א פאָלק, וועלכעס האָט זיך בעקעהרט צום יודענטהום. דיזעס פאָלק זיינען געווען דיא כאַזארען וועלכע האָבען דאן געשפּיעלט א גרויסע ראָלע. זיי האָבען געהערשט איבער קאווקאז און קרים און האָבען געהאַט זייער הויפּט-זיץ צווישען דער וואָלגא און דעם דאָן, אין דעם זידליכען טהייל פון רוסלאנד.

דיא כאַזארען זיינען געווען א טערקישע אָדער טאטארישע ראסע. ווען זיי האָבען געגרינדעט זייער קעניגרייך, ווייס מען ניט בעשטימט, אָבער זיי ווערען דערמאָהנט ביי ארמענישע היסטאָריקער אין דעם דריטען יאָהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג. צוערסט זיינען זיי געווען אונטער דעם יאָך פון דיא הוננען (אונגארען) און דיא בולגארען, שפּעטער האָבען זיי זיך בעפרייט און געגרינדעט א בעזונדערע מלוכה. זיי זיינען געווען אזוי מעכטיג, דאָס פיעלע קעניגרייכען, וויא אראביען, פּערסיען, רוסלאנד, פּוילען, האָבען פאר זיי מורא געהאַט.

דיא כאַזארען זיינען געווען געצענדיענער, אָבער זיי זיינען געווען אַן אויפגעקלערטעס פאָלק. אין 731, אונטער זייער קעניג בולאַן, האָבען זיי בעשלאָסען אָנצונעהמען איינע פון דיא הערשענדע רעליגיאָנען און זייער גורל איז געפאלען אויף דיא אידישע. קעניג בולאַן האָט צוזאמענגערופען פון דער אידישער, מאָהאָמעדאנישער און קריסטליכער רעליגיאָנען און האָט זיי געלאָזען פאר איהם האָבען א דיספּוט. בעמערקענדיג אין דעם ויכוח, דאָס דיא פאָרשטעהער פון דער מאָהאמעדאנישער און קריסטליכער רעליגיאָנען שטיצען זיך ביידע אויף דער ביבעל, האָט ער בעשלאָסען אָנצונעהמען דיא אידישע רעליגיאָן. בולאַן האָט דאן איינגעלאדען דעם אידישען געלעהרטען ר' יצחק סנגרי (געשטאָרבען אין קרים 767) איהם און זיינע בעאמטע צו אונטערריכטען אין יודענטהום. פון יענער צייט אָן זיינען דיא כאַזארען געבליעבען אַ אידישעס פאָלק ביז זיי זיינען אונטערגעגאנגען. דיא כאַזארישע קעניגע האָבען געטראָגען דעם טיטעל „כאהאן" (כהן). דורך דעם אידישען רייזענדען אלדד הדני האָבען אידען פון אנדערע לענדער ערפאהרען פון דעם אידישען כאַזארען קעניגרייך און זיי האָבען זיך מיט איהם זעהר שטארק אינטערעסירט. חסדאי אבן שפרוט, א אידישער געלעהרטער און שטאַאטסמאַן פון שפּאניען (915-970), האָט דעם כאַזארישען קעניג יוסף געשיקט א בריעף מיט

קאמפלימענטען און ביטען. דיזען בריעף האט חסדאי צוגעשיקט צו אידישע סוחרים אין רוס (רוסלאנד) און דיזע האבען איהם איבערגע־געבען צום כאזארישען קעניג.

פאריגען יאהרהונדערט איז ארויסגעגעבען געווארען אן אראבישע געאגראפיע פון אבו האוקול, וועלכער האט געלעבט אין דעם אנ־פאנג פון דעם צעהנטען יאהרהונדערט. אין דיזען ווערק ווערט בעוויזען, דאס ביי דעם קאס־פישען מעער און דעם טייך אטעל (וואלגא) איז געווען א בליהענדעס קעניגרייך, אין וועלכען דער קעניג איז געווען א איד. דיא הויפטשטאדט האט געהייסען באט און דיא איינוואוינער זיי־נען געווען פון פערשיעדענע רעליגיאנען. נאך אן אראבישער שריפטשטעלער פון דער זעלבי־גער צייט, מיט'ן נאמען מעססודי, זאגט, דאס אין דער הויפטשטאדט פון דיא כאזארען זיי־נען געווען פיעלע אידען, קריסטען און געצענ־דיענער. דער קעניג און דיא הויפט־בעאמטע פון דער רעגיערונג זיינען אלע געווען אידען, אבער ניט קיין געבארענע. זיי האבען אנגע־נומען דיא אידישע אמונה אין דיא צייטען פון דעם אראבישען כאליף (קעניג) הארון אל ראשיד, אין דעם צווייטען יאהרהונדערט פון דער מאהאמעדאנישער צייטרעכנונג, אדער דעם אכטען יאהרהונדערט נאך קריסטוס. מעססודי רופט אן דיזע הויפטשטאדט אמאט. דער הייליגער קירילל, דער אפאסטעל פון דיא סלאווישע פעלקער (געשטארבען 868), בעריכטעט, דאס ער האט ביי דיא כאזארען אין קרים געלערנט דיא העברעאישע שפראך און דיא ביבעל.

דורך דאס לאנד פון דיא כאזארען זיינען אידען געקומען אין רוסלאנד צוערשט ווען טהיי־לען פון רוסלאנד זיינען געווען אונטערטהעניג צו דיא כאזארען און דורך אנדערע צופעלע.

קיעוו איז אין דיא ערסטע צייטען פון דעם רוסישען קעניגרייך געווען אונטערטהעניג צו דיא כאזארען און דארטען האבען זיך אידען גאנץ פריה בעזעצט. זיי זיינען דארטען געווען היימיש, האבען געפיהרט האנדעל און זיינען געווארען רייך. אין דעם יאהר 965, ווען דער רוסישער קעניג סוויאטאסלאוו האט איינגענו־מען דיא שטאדט סארקעל פון כאזאריען, האט ער מיט זיך אוועקגעפיהרט פיעלע געפאנגענע אידען און האט זיי בעזעצט ביי דעם טייך דאס, לעבען קיעוו. נאך דעם טוידט פון סוויאטאס־לאוו, אין 980, איז ארויף אויף דעם רוסישען טהראן וולאדימיר דער ערסטער, וועלכער ווערט גערופען „דער הייליגער,“ ווייל אונטער זיין רעגיערונג האבען דיא רוסען אוועקגעווארפען דעם געצענדיענסט און אנגענומען דיא קריסט־ליכע רעליגיאן. עס ווערט דערצעהלט, דאס וולאדימיר האט פאר זיין אוועקווארפען דעם געצענדיענסט נאכגעדענקט, וועלכע רעליגיאן ער זאל אננעהמען. צו דיזען צוועק האט ער איינגעלאדען פארשטעהער פון דער קריסטלי־כער, מאהאמעדאנישער און אידישער רעליג־יאנען. דיא לעצטערע זיינען געווען פון כא־זארען.

אויך אין פוילען זיצען שוין אידען פון גאנץ לאנגע צייטען. ווען זיי האבען זיך דארטען בע־זעצט איז ניט בעשטימט. נאך דעם פוילישען היסטאריקער נארושעוויטש זיינען שוין צו ענ־דע פון אכטען יאהרהונדערט, ביינאהע 50 יאהר פאר דיא גרינדונג פון דעם פוילישען רייך, דארטען געוועזען אנזעסיגע אידען. אן אנדער היסטאריקער דענקט, דאס מיעטשיסלאוס (מסטיסלאוו) דער ערסטער, וועלכער האט אנ־געפאנגען צו רעגיערען אין 964, האט אויפגע־נומען דיא ערסטע אידען אין זיין לאנד. דער היסטאריקער וואצלאוו גראבאווסקי בעריכטעט, דאס דיא ערסטע אידען אין פוילען זיינען גע־קומען צו ענדע פון דעם עלפטען יאהרהונדערט: דיא שרעקליכע פערפאלגונגען פון דיא אידען אין בעהמען אין דעם יאהר 1096 זאלען האבען געבראכט פיעלע אידען נאך פוילען. לויט דעם בעריהמטען פוילישען היסטאריקער לעלעוועל זיינען שוין דיא אידען געווען אין פוילען אין דעם ניינטען יאהרהונדערט און זיי זיינען דאר־טען געקומען פון בעהמען און אונגארן.

ביי דעם פוילישען פאלק איז דא א זאגע, לויט וועלכע אידען זיינען געווען אין פוילען אין דיא צייטען פון פאפיעל דעם צווייטען (830). דיא זאגע איז וויא פאלגט:

ווען פאפיעל דער צווייטער איז געשטאר־בען, איז ניט געווען ווער עס זאל איבערנעהמען דעם קעניגליכען טהראן. אויף דער פערזאמלונג פון דיא פאלקספערטרעטער אין קרושוויצא הא־בען דיא צוזאמענגעקומענע זיך ניט געקענט איינינגען איבער דיא וואהל פון א נייעם הער־שער, און אויף דעם פארשלאג פון דעם עלטס־טען פון זיי, איז בעשלאסען געווארען צו מא־כען פיר א קעניג דעם יעניגען, וואס וועט דעם נעכסטען מארגען בעגינען אריינקומען דער

ערסטער אין שטאָדט. פיער שומרים זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרען ביי די עקען פון דער בריק, וועלכע האָט געפיהרט צו דער שטאָדט אום צו בעריכטען, ווער עס ווערט דער ערסטער אריינקומען. דאָ האָט עס גראדע פאסירט, דאָס אַ איד מיט'ן נאָמען אברהם, וועלכער איז געווען אַ פּולווער־הענדלער און האָט דאריבער געהייסען „פּראָכאָווניק" (פּולווער־מייסטער), איז דער ערסטער פריה אריינגעקומען אין שטאָדט. די וואכליוט האָבען איהם בעגלייט אין שטאָדט אריין, וואו ער איז ערקלערט געוואָרען פיר קעניג. אברהם איז געוואָרען אַ דערשראָקענער און האָט זיך דערפון ענטזאגט. אלס ער האָט אבער געזעהען, דאָס די פערזאמעלטע וועהלער זיינען געבליבען ביי זייער בעשלוס, האָט ער ביי זיי געבעטען אַ טאָג צייט צו בעדענקען זיך און צו פערברייגנען איינער אליין אין געבעט צו גאָט. זיין ביטע איז ערפילט געוואָרען. צוויי טעג און צוויי נעכט זיינען פערגאנגען און אברהם האָט זיך נאָך אלץ ניט געוויזען. ווען עס איז געקומען דער דריטער טאָג און ער איז נאָך אלץ ניט ערשיענען האָט צווישען דעם אונגעדולדיגען עולם אַ פויער מיט'ן נאָמען פּיאסט אויסגעשריען: „ברידער! אזוי קען עס ניט בלייבען; דאָס לאנד קען אָהן אַ קעניג ניט זיין, און אזוי וויא אברהם קומט ניט ארויס, וועל איך איהם ארויספיהרען." און מיט אַ האק האָט ער אויפגעבראָכען די טהיר פון דעם הויז, וואו אברהם איז געווען פערשלאָסען. ארויסקומענדיג פון זיין צימער האָט אברהם דאן אויסגעשריען: „פּאָליאקען, זעהט איהר דעם פויער פּיאסט? איהם זאָלט איהר וועהלען פיר אַ קעניג. ער בעזיצט פערשטאנד, ווייל ער האָט איינגעזעהען, דאָס אַ לאנד קען לאנג אָהן אַ קעניג ניט בלייבען; ער בעזיצט אויך מוטה, דען אום דאָס פאטערלאנד צו רעטען, האָט ער זיך געשטעלט געגען מיר (אברהם האָט זיך אין דער מינוט בעטראכט אלס קעניג). איהם זאָלט איהר אָנטהאָן די קרוין און איהר וועט גאָט און אברהם פּראָכאָווניק דאפיר דאנקען" און פּיאסט איז געוואָרען ערקלערט אלס קעניג.

אין די צייטען פון מיעטשיסלאס דעם דריטען (1173) זיינען געפּרעגט געוואָרען פּוילישע מינצען מיט אידישע אינשריפטען. איינע פון דיזע ארט מינצען האָט געטראָגען די העברעאישע אויפשריפט „אברהם דוכס" (אברהם דער פירסט). עס איז מעגליך, אז דיזע שריפט האָט זיך בעצויגען אויף אברהם פּראָכאָווניק.

וועהרענד די היסטאָריקער זיינען ניט איינִיג איבער דעם, פון וואנען די ערסטע אידען אין פּוילען זיינען געקומען, שטימען זיי אָבער איין, דאָס אין דעם ניינטען יאהרהונדערט האָבען דאָרטען איינגעוואנדערט אידען פון די גערמאנישע לענדער, וואו זיי האָבען דאן געליטען שרעקליכע רדיפות. אין דעם יאָהר 893 האָבען די אידען פון דייטשלאנד געשיקט אַ דעלעגאציאָן צו לעשעק דעם פיערטען (צווייטער קעניג פון די פּיאסטען) צו בעטען ער זאָל זייערע ברידער ערלויבען זיך צו בעזעצען אין זיין לאנד. די מיטגליעדער פון דער דעלעגאציאָן זיינען געווען: ר' יחזקיהו הספרדי, דער מאטהעמאטיקער ר' עקיבא עסטרעמאדורא, ר' עמנואל אשקלוני, ר' לוי באקקארי און ר' נתנאל הברצלוני. דיזע געזאנדטע זיינען געגאנגען נאָך גנעזען, די הויפּטשטאָדט פון פּוילען צו יענער צייט. אלס זיי זיינען ערשיענען פאר ליעשעק'ן, און ר' לוי באקקארי האָט איהם אין דער לאַטיינישער שפּראכע ערקלערט דעם צוועק פון דער געזאנדטשאפט, האָט ליעשעק זיי געשטעלט פערשיעדענע פראגען און זיי האָבען איהם געגעבען אנטוואָרטען וויא פאָלגט:

„אין וואָס בעשטעהט די אידישע אמונה?"

—די אידען גלויבען אין אן איינציגען גאָט, וועלכער איז אלמעכטיג, אייביג און בעלעבט אלעס.

„וואָס גלויבען אידען איבער די נשמה?"

— דאָס זיא איז אונשטערבליך.

„האלטען אידען פיר אַ זינד איינער דעם אנדערן שלעכטס צו טהאָן?"

— געוויס! אפילו ווען איינער בעגעהט דעם קלענסטען פערברעכען געגען זיין חבר דארף ער בעשטראפט ווערען.

„ווערט אויך איינער, וועלכער אונטערשיידעט זיך אין זיינע מיינונגען פון אידען, גערעכענט פיר אַ מענשען?"

— יעדער מענש, וואָס דענקט און רעדט איז אַ מענש.

„און ווען אזא מענש לייקענט אין די פּרינציפּען פון אייער רעליגיאָן?"

— דער מענש האָט נאָר צו אורטהיילען די האנדלונגען פון מענש צו מענש; ווען איינער

פערברעכט געגען גאט זאל איהם גאט אליין משפט'ן.

„וויא האט איהר זיך בעגאנגען מיט דיא פרעמדע, וועלכע זיינען פארצייטען געקומען אין אייער אייגענעם לאנד?"

—לויט דעם וויא גאט האט געבאטען און לויט דעם געפיהל פון מענשענליעבע, וועלכעס מיר בעזיצען.

„וואס זאגט איהר עפעס „וויא גאט האט געבאטען? איז דען דא אין אייער תורה עטוואס וועגען טאלעראנץ און פרעמדליעבע?"

—יע, געוויס! עס שטעהט צום ביישפיעל אין אונזער תורה: „וגר לא תונה ולא תלחצנו" (שמות כ"ב, כ'), „כאזרח מכם יהיה לכם הגר הגר אתכם (ויקרא י"ט, ל"ד) א. ז. וו."

דיא ווערטער פון דיא אידישע שלוחים זיינען לעשעק'ן זעהר געפעלען געוואָרען און ער האט זיי געאנטוואָרטעט, דאס ער איז בערייט מיט'ן גאנצען האַרצען אויפצונעהמען זייערע ברידער אין זיין לאנד. מיט צוויי יאהר שפעטער נאך דיזער בעווילינונג, אין 895, האבען אידען אין גרויסע מאסען אנגעהויבען אויסצוואנדערן פון דייטשלאנד אין פוילען, און אין 905 האבען זיי דארטען געקראגען שריפטליך פאלגענדע פריווילעגיען: 1) זיך צו בעזעצען וואו זיי ווילען; 2) צו האלטען זייער רעליגיאן נאך זייער ווונש; 3) צו וועהלען זייערע אייגענע ריכטער; 4) זיך צו בעשעפטיגען מיט יעדער מלאכה און יעדען האנדעל, וואס געפעלט זיי; 5) ניט צו זיין אונטערוואָרפען אונטער דיא מאגנאטען (פריצים); 6) דאס דיא רעגיערונג דארף זיי שיצען געגען פיינדע און פערברעכער. דיא שריפט פון דיזע פריווילעגיען איז פערלאָרען געגאנגען אין דעם יאהר 1019.

אידען האבען אימער גערעדט דיא שפראַכען פון דיא לענדער, אין וועלכע זיי האבען זיך בעזעצט. דיא אידען, וואס זיינען געזעסען אין קרים און קאווקאז האבען גערעדט דיא טערקישע אדער טאטארישע דיאלעקטען, וועלכע זיינען דארטען אומגעגאנגען. ווען דיא אידען פון דיזע ערטער האבען זיך בעזעצט אין רוסלאנד האבען זיי אנגענומען דיא רוסישע שפראך. אלס עס האבען נאך רוסלאנד אנגעהויבען צו קומען פיעלע אידען פון גערמאנישע לענדער און האבען מיט זייער צאהל איבערשטיגען זייערע פריהערדיגע אנזעסיגע ברידער, האט דיא דייטשע שפראך ארויסגעשטויסען דיא היימישע. פאר וואס דיא שפעטערדיגע איינגעוואנדערטע האבען ניט אנגענומען די רוסישע שפראך, ערקלערט זיך דערמיט, דאס רוסיש איז צו יענער צייט געווען אויף א ניעדעריגער שטופע, וועהרענד דיא דייטשע איז געווען אויסגעבילדעטער און רייכער. דאך זיינען נאך אין דעם זעכצעהנטען יאהרהונדערט געווען פיעלע אידען אין רוסלאנד, וואס האבען גערעדט רוסיש אלס מוטערשפראך.

וועגען דעם איינפלוס פון דיא דייטשע אידען אויף דיא פוילישע וועט געשפראכען ווערן אין אן אנדער קאפיטעל.

# די נאַציאָנאַלע פראַגע.

I

די נאַציאָנאַלע פראַגע געהערט צו די וויכטיגסטע, אָבער אויך צו די שווערסטע פראַגען פון געזעלשאַפטליכען לעבען.

ניט די וויסענשאַפט, ניט פּאָליטישע פּאַרטייען, ניט די ליטעראַטור האָבען ביז איצט געגעבען אַ בעשטימטע, פעסטע, אָנגענומענע און אנערקענטע תשובה אויף די גרויסע וועלט־פראַגע, וואָס ווערט אַזוי אָפט דעבאַטירט און רעגט אויף פיעל מיליאָנען מענשען. זאָגאר אין דער סאָציאַליסטישער וועלט עקזיסטירען איבער די נאַציאָנאַלע פראַגע די פערשיעדענסטע מיינונגען און דיפערענצען; זאָגאר אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור ווערט די נאַציאָנאַלע פראַגע אָפט פאַרדרעהט רעכטס און לינקס.

נעהמט, צום ביישפּיעל, די פאַרשטעהער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

„ווען מיר, סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וואָלטען פאַרגעסען צו פאָדערן, אַז יעדע נאַציאָן, וואָס וואָהנט אין רוסלאַנד, זאָל האָבען „זעלבסט־בעשטימונג“, דאָס הייסט דאָס רעכט איבער זיך אַליין צו זאָגען אַ דעה; ווען מיר וואָלטען די פאָדערונג ניט אַרויסגעשטעלט, מורא האָבענדיג אָנצוריהרען די פאָראורטהיילע פון אונזערע רוסישע בירגער, דאַן וואָלט אין אונזער מויל געקלונגען ווי אַ מיאוס'ער ליגען דער רוף פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פעראייניגט אייך!“

אַזוי שרייבט דער אַנפיהרער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, געאָרג פּלעכאַנאָוו, אין „זאַריאַ“ פון אויגוסט, 1902.

דאַכט זיך, קלאָרע, שעהנע, ליכטיגע ווערטער. די רעכטע, די גלייכע רעכטע און פאָדערונגען פון אַלע נאַציאָנען ווערען אָפען אַנערקענט. דאַכט זיך, אַ קלאָרע תשובה אויף די נאַציאָנאַלע פראַגע; און דאָך האָט די נאַציאָנאַלע פּראָגראַממע פון „איסקראַ“ אַרויסגערופען די גרעסטע אונצופרידענהייט ביי אַלע פעלקער פון רוסלאַנד, וואָס געהערן ניט צו דער הערשענדער רוסישער נאַציאָן. און דאָך וויל די „איסקראַ“ מיט דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַממע אין דער האַנד בעקעמפּפען יעדע נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט, יעדע נאַציאָנאַלע בעוועגונג. אין נומ. 44 פון „איסקראַ“ אָבער לייענען מיר: „נור אונטער די בעדינגונגען (דאָרט זיינען אויסגערעכענט געוויסע בעדינגונגען) אַנערקענען מיר דאָס זעלבסטבעשטימונגסרעכט“....

נאָך אַ ביישפּיעל. די פּאָלנישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי שרייט געוואַלט געגען די נאַציאָנאַלע פּראָגראַממע פון „איסקראַ“; זיא שרייט, אַז עס איז אַן אונערהערטע עולה ניט אַנצוערקענען, אַז די פּוילישע נאַציאָן דאַרף פריער ווי אַלץ טראַכטען וועגען איהר נאַציאָנאַלע בעפרייאונג. די נאַציאָנאַלע אינטערעסען זיינען פאַר איהר הייליג. דאָך, ניט קוקענדיג אויף דעם, טרעט די זעלבע פּאַרטיי אַרויס שוין עטליכע יאָהר מיט בעשולדיגונגען און בלבולים און בעקעמפּפט מיט אַלץ, וואָס זי קען, יעדע נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט און שטרעבונג פון אידישען פּראָלעטאַריאַט. זיא פאָדערט, אַז אַלע מענשען און נאַציאָנען, וואָס וואָהנען אין „זייער“ לאַנד, מוזען זיין און מוזען זיך פיהלען ניט אַנדערש ווי פּאָלאַקען.

די נאַציאָנאַלע פראַגע איבערהויפּט איז נאָך ניט ערקלעהרט געוואָרען גענוג און נאָך ניט פאַרענטפערט געוואָרען ווי געהעריג אַפילו אין דער סאָציאַליסטישער וועלט. נאָך מעהר מיינונגס־פערשיעדענהייטען עקזיסטירען איבער דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע.

אַפילו די, וואָס האַלטען פאַר „נאַציאָנאַלע רעכטע“, וואָס שטעהען אויף דעם „נאַציאָנאַלען“ שטאַנדפּונקט, אַפילו זיי מאַכען אָפט גאָר אַן אַנדער מינע, ווען מען הויבט אָן צו ריידען פון

דער אידישער נאַציאָן. זיי טענה'ן, אז אידען זיינען איבערהויפּט קיין נאַציאָן.

מיר ווייסען שוין, אז אזוי קוקען אויף דיא אידישע נאַציאָן דיא רוסישע און פּאָלנישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. צו אונזער בעדויערן זיינען זיי ניט דיא איינציגע אין דיזער הינזיכט. אונזער געניאַלער לעהרער קאַרל מאַרקס האָט אויך געהאַלטען, אז אידען זיינען ניט א נאַציאָן. ער האָט אלס יונגער מאַן (נאָך איידער ער האָט אָנגעשריבען זיין וועלט־בעריהמטען „קאָמוניסטישען מאַניפעסט") בעהאַנדעלט דיא „יודענפראַגע", נור אלס „יודענטהום־פראַגע". אין זיין ארטיקעל „צור יודענפראַגע" דריקט ער זיך אויס אזוי: „דיא חימערישע (איינגעבילדעטע) נאַציאָנאַליטעט פון דיא אידען איז דיא נאַציאָנאַליטעט פון א סוחר, איבערהויפּט פון א געלדמענשען".

דיא זעלבע מיינונג איבער אידען און יודענטהום, וואָס מאַרקס האָט ארויסגעזאָגט מיט זעכציג יאָהר צוריק, הזר'ט איצט איבער דער בעריהמטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער שרייבער און היסטאָריקער פראַנץ מעהרינג. ער שרייבט אזוי: „אינצווישען געווינט דאָס יודענטהום אלס קלאַס (??!) דורך דיא עקאָנאָמישע ענטוויקלונג צו פיעל מאַכט".

אָבער ניט נור מעהרינג, וועלכער סימפּאַטיזירט ניט גאַנץ שטאַרק נאָך פון אמאָליגע יאָהרען מיט אידען און יודענטהום, אפילו קאַוטסקי, דער בעסטער איצטיגער סאָציאַליסטישער טהעאָרעטיקער, געפינט קיין בעסערען מיטעל ניט פאַר אידען, וויא זיי צו געבען אן עצה זיך צו אסימילירען (זעה „דאָס מאַסאַקער פון קישינעוו, „נייע צייט", 1902, נומער 36).

דאָס ווייזט אונז, אז דיא אידען־פראַגע איז אין דער סאָציאַליסטישער וועלט נאָך ווייניגער קלאָר, ווייניגער פעסט בעהאַנדעלט און פאַרענטפערט געוואָרען ווי די נאַציאָנאַלע פראַגע אין אַלגעמיין. דאַריבער מוז דיא א י ד י ש ע נאַציאָנאַלע פראַגע בעזאָנדערס אונטערזוכט ווערן; עס מוז נאָך בעזונדער און אויספיהרליכער ארומגערעדט ווערן וועגען אזעלכע פונקטען: צו זיינען אידען א נאַציאָן? צו קענען זיי פאָדערן נאַציאָנאַלע רעכטע, וויא אלע אנדערע נ א צ י אָ נ ע ן? צו דאַרפען און מעגען מיר, אידישע סאָציאַליסטען, טראַגען דיזען נאָמען אליין, אָדער מיר מוזען נאָך זיך צוגעבען נאָך א טיטעל: רוסישע, פּאָלנישע א. ז. וו. סאָציאַליסטען?

2

אָבער צוליעב דעם, וואָס דיא פראַגען וועגען נאַציאָנאַליזמוס בכלל און וועגען אידישען נאַציאָנאַליזמוס בפרט זיינען נאָך ניט קלאָר און אַלגעמיין פערענטפערט; צוליעב דעם, וואָס עס עקזיסטירען ביי אונז נאָך פאַרשיעדענע מיינונגען אין דער טהעאָריע און אין דער פּראַקטיק איבער דער נאַציאָנאַלע פראַגע, האָבען מיר זיך גאַר ניט וואָס צו שעהמען פאַר דיא בורזשואזנע טהעאָרעטיקער און פּראַקטיקער, דען ביי אונז זיינען ווייניגסטענס דאָ געוויסע אַלגעמיין אנערקענטע גרענעצען און פּרינציפּען אויך אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

מיר האָבען געזעהען, וויא דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציאָן, וואָס איז אין דער סאָציאַליסטישער וועלט ווייניגער פריינדליך ווי יעדע אנדערע צום נאַציאָנאַלען פּרינציפּ און צו נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיגקייט, וויא דיא „איסקראַ", גיבען צו, אז מען מוז פּרינציפּיעל ארויסשטעלען דיא פאָרדערונג פון „זעלבסטבעשטימונג" פאַר אלע נאַציאָנען. גאַנץ אנדערש איז עס אין דער בורזשואזנער וועלט, אין דער קאַפּיטאַליסטישער טהעאָריע און פּראַקטיק.

דאָרט איז ניטאָ קיין פעסטער פונדאַמענט, קיינע פּרינציפּען אפילו וויא צו בעהאַנדלען דיא נאַציאָנאַלע פראַגע. דאָרטען זיינען ניטאָ קיינע גרענעצען פאַר די אכזריות, רשעות און רציחות, צו וועלכע עס פיהרט דיא „נאַציאָנאַלע" פּאָליטיק פון דיא מלוכות און פון דיא קאַפּיטאַליסטישע הערשענדע קלאַסען געגען נאַציאָנאַלע און פערזענליכע רעכטע פון אונטערדריקטע, שוואַכע נאַציאָנען. עס איז שווער צו זאָגען, וואָס פאַר א פערברעכען איז ניט כשר גענוג פאַר געוויסע „נאַציאָנאַליסטען" פון שטאַרקע און רייכע לענדער, ווען זיי האָבען נאָר דיא מאַכט אוועקצונעהמען דיא רעכטע און אונטערדריקען שוואַכערע נאַציאָנען.

ניט אומזיסט זיינען דאָך דיא „נאַציאָנאַליסטען" אין פראַנקרייך; די „פּאַנסלאַוויסטען" פון „נאָוואָע ווערעמיא", „סוועט", און „בעססאַראַבעץ" אין רוסלאַנד; דיא „אַלדייטשען," „דיא היטער פון נאַציאָנאַלען געדאַנקען", ניט אומזיסט זיינען זיי דיא פיהרער פון דער „נאַציאָנאַלער" פּאָליטיק. זיי בעשאַפען זאָגאַר „טהעאָריען"

פאר זייערע פארברעכענס; טהעאָריען פון מענשען־האס, פון רויב און רציחה.

אזעלכע טהעאָריען, אז ניט אלע נאציאָנען זיינען גלייך; אז ניט אלע נאציאָנען דארפען און קענען האָבען גלייכע רעכטע; אז עס זיינען דאָ העכערע און נידעריגערע ראסען; אז „איידעלערע" נאציאָנען דארפען בעהערשען די „פּראָסטערע" א. ז. וו. געפינען זעהר פיעל אָפענע אויערן אין דער קאפּיטאליסטישער וועלט. זיי קענען אָבער קיין צוטריט ניט האָבען צו אונז. וויא כלומרשט „וויסענשאפטליך" דיזע „טהעאָריען" זאָלען ניט זיין, קענען זיי דאָך ביי אונז סאָציאליסטען, קיין אָבקלאנג ניט געפינען, ווייל מיר האָבען אונזערע אלגעמיינע פּרינציפּען און לעהרען, וואָס האָבען פיר אונז די בעדייטונג פון „קאטעגאָרישע אימפּעראטיווע" (אויסנאהמסלאָזע בעפעהלען)... די אלגעמיינע סאָציאליסטישע תורות זאָגען דוקא פארקעהרט; זיי זאָגען אונז, אז עס מוז אָבגעשאפט ווערען י ע ד ע ארט הערשאפט פון מענשען איבער מענשען; יעדע אונגלייכהייט, יעדע אונגערעכטיגקייט און אונטערדריקונג מוז אויסגעראָטעט ווערען. דאריבער קענען מיר אויך די נאציאָנאלע פראגע פארענטפערן נור אזוי, אז די תשובה זאָל שטימען מיט אונזערע גרונד־לעהרען און אז זיא זאָל ערפילען דעם אידעאל פון גלייכהייט, ברידערליכקייט און פרייהייט פון אלע מענשען.

צוליעב דעם ווערט פאר אונז די פארענטפערונג פון דער נאציאָנאלער פראגע פאראויס פיל איינפאכער און לייכטער. אין דער צייט, ווען ביי די בורזשואזנע טהעאָרעטיקער און פּראקטיקער ווערט געשטריטען און דעבאטירט: "צו הייסט פארענטפערן די נאציאָנאלע פראגע, ווען מען בעהערשט געוויסע נאציאָנען, ווען מען נעהמט ביי זיי אוועק זייער זעלבסטשטענדיגקייט און רעכטע?' ווען זיי פיהרען גרויסע דעבאטען איבער דעם, „וואָס הייסט א נאציאָן מיט פולע רעכטע" וועלכע נאציאָן איז א „העכערע?" און וועלכע א „נידעריגערע"? ווער דארף זיין די „הערשענדע" און ווער די „בעהערשטע?" פאלען ביי אונז דיזע און עהנליכע פראגען אראָפּ.

ביי אונז מוז די נאציאָנאלע פראגע אזוי געשטעלט ווערען: וויא קען מען פארענטפערן די נאציאָנאלע פראגע אויף אזא אופן, אז א ל ע נאציאָנען זאָלען זיין גלייך, אז ק י י נ ע זאָל ניט הערשען איבער די אנדערע, אז קיינע זאָל ניט אונטערדריקט ווערן פון די אנדערע? נאָר צוערסט לאָמיר זעהען: וואָס איז דאָס אזוינס די נאציאָנאלע פראגע און פון וואנעט קומט זיא?

3

די „נאציאָנאלע פראגע" איז ניט אזוי אלט, וויא די נאציאָנען אליין. זיא עקזיסטירט ניט איבעראל, וואו נאציאָנען לעבען אין שטאאטען (מלוכות). די נאציאָנאלע פראגע עקזיסטירט ניט, ווען אלע נאציאָנען לעבען אין זייערע אייגענע לענדער אין זעלבסטשטענדיגע מלוכות, וואו עס וואָהנען ניט קיין מיטגלידער פון אנדערע נאציאָנען. ווען אין די נאציאָנאלע מלוכות לעבען נ ו ר מיטגלידער פון איין נאציאָן, טראָגט אפילו די אונטערדריקונג פון די רעכטע פון די בירגער ניט קיין נאציאָנאלען כאראקטער.

די נאציאָנאלע פראגע טרעט אָבער אויף באלד, וויא אין איין לאנד, אין איין שטאאט לעבען צוזאמען מעהר וויא איין נאציאָן. וויא נאָר אויסער דער נאציאָן, וואָס געפינט זיך אין מעהרצאָהל, בעזעצען זיך אין א געוויסען לאנד גרופּפען מענשען פון אנדערע נאציאָנען, דאן פאנגט זיך גלייך אָן די פראגע: וואָס זאָל די רעגירונג, דער שטאאט, טהאָן, אז אויך די קלענערע טהיילען פון דער בעפעלקערונג זאָלען ניט דארפען ליידען אין זייערע נאציאָנאלע געפיהלען? וויא זאָל דער שטאאט בעשיצען די נאציאָנאלע אינטערעסען אויך פון די ניט „הערשענדע" נאציאָן?

דאָס איז די נאציאָנאלע פראגע פון די מינאָריטעטען (פון די קלענערע טהיילען). אין דער פאָרמע געפינען מיר די נאציאָנאלע פראגע איצט כמעט אין אלע געבילדעטע לענדער און מלוכות.

צוליעב דעם, וואָס נאציאָנען און לענדער קומען איינע מיט די אנדערע אין פארבינדונגען; צוליעב דעם, וואָס זיי האנדלען איינע מיט די אנדערע און צוליעב דעם, וואָס אין דער איצטיגער געזעלשאפט קענען א סך מענשען אין דער „היים" ניט מאכען קיין לעבען, ניט געפינען קיין ארבייט, אָדער קיין פּאסענדע בעשעפטיגונג, צוליעב דאָס קומט אלץ כמעט איבעראל פאָר, אז גרויסע מאסען מענשען מוזען אויסוואנדערן און זיך בעזעצען אין פרעמדע לענדער. דאריבער איז כמעט אין יעדער געבילדעטען שטאאט פאראן א געוויסער טהייל בעפעלקערונג, וואָס געהערט צו „פרעמדע" נאציאָנען.

איבערהויפּט קומט גאָר ניט אזוי אָפט פאָר, וויא עס דוכט זיך, אז דער שטאאט זאָל בעשטעהן פון פּראָווינצען און לענדער, וואָס זיינען בעזעצט נאָר פון איין נאציאָן. דיא גרענעצען פון א געוויסע מלוכה באלען גאָר ניט אזוי צוזאמען מיט דיא גרענעצען פון דעם לאנד, אין וועלכען דיא נאציאָן וואָהנט. דיא מייסטע גרויסע שטאאטען, וויא רוסלאנד, עסטרייך, טירקיי א. ז. וו. האָבען זיך געבילדעט דורך א פערבינדונג פון פערשיעדענע נאציאָנען צו איין שטאאט. זיי זיינען ניט מלוכות פון געוויסע איינצעלנע נאציאָנען, נור פון מעהרערע נאציאָנען, אונטער וועלכע איינע רעכענט זיך פאר דיא הערשענדע. דורך פערשיעדענע עקאָנאָמישע, געזעלשאפטליכע און היסטאָרישע אורזאכען, דורך רויב, דורך געוואלט און פארברעכען איז עס געקומען דאצו, אז א סך אונאבהענגיגע נאציאָנאלע שטאאטען האָבען פערלאָרען זייערע זעלבסטשטענדיגקייט און געוואָרען טהיילען, אבהענגיגע גליעדער פון גרעסערע שטאאטען.

אין אזעלכע מלוכות איז דיא נאציאָנאלע פראגע פיעל שארפער, פיעל שניידיגער, פיעל מעכטיגער. אין אזעלכע מלוכות פיהרט זיך געוויינליך, אז איין נאציאָן, דיא „בעזיגערין“, רעכענט זיך פאר דיא בעל־הבית'טע פון דער גאנצער מלוכה, פאר דיא הערשערין איבער אלע איבעריגע נאציאָנען; חאָטש עס זיינען דאָ גאנצע פּראָווינצען און לענדער, וואו דאָס רוב פון דער בעפעלקערונג געהערט צו „פרעמדע“ נאציאָנען, דאָס הייסט צו דיא פריהערדיגע און אמת'ע בעלי־בתים פון יענע פּראָווינצען.

אין אזעלכע שטאאטען נעהמט דיא נאציאָנאלע פראגע אָן א דאָפּעלטען חאראקטער און איהר פארענטפערונג בעגעגענט דאָפּעלטע שוועריגקייטען.

ערשטענס, קומט דיא פראגע וועגען מאיאָריטעטען. עס פרעגט זיך: וויא זאָל אין יענע טהיילען פון דער מלוכה, וואו דאָס רוב בעפעלקערונג געהערט ניט צו דער הערשענדער נאציאָן, וויא זאָל דאָרטען פאר דיא מאיאָריטעט בעפרידיגט און געזיכערט ווערן זייערע נאציאָנאלע אינטערעסען, געפיהלען און פאָדערונגען?

צווייטענס, קומט אויך דיא פראגע וועגען מינאָריטעטען, וועגען דיא נאציאָנען, וואָס געפינען זיך אין קיין טהייל פון לאנד ניט אין רוב, און דיא פראגען וועגען דיא טהיילען פון א גרעסערע נאציאָן, וואָס וואָהנען אין קליינע גרופּפּען אויסער דיא גרענעצען פון דער פּראָווינץ וואו זיי זיינען אין רוב.

וויא איהר זעהט, איז דיא „נאציאָנאלע פראגע“ א הארבע קשיא. מיט עטליכע פראזען און מיט אלגעמיינע ווערטער קען מען אזא פראגע ניט פארענטפערן. מיט פוסטע חלומות אָדער משוגענע פאנטאסטישע פּלענער, אז יעדע נאציאָן זאָל געהן צו זיך „אהיים,“ חאָטש אין דיא ווייטע ווילדערניס; אָדער אז זיא זאָל זיך בויען אָן „אייגענעם“ זעלבסטשטענדיגען שטאאט, חאָטש אין דיא הרי־חושך, הינטערן סמבטיון, קען מען ניט מאכען, אז דיא נאציאָנען, וואָס לעבען צוזאמען, צומישט אין איין לאנד און אין איין שטאאט און וואָס מוזען — וויללענדיג אָדער ניט וויללענדיג — זיין שכנים, זאָלען נעהמען לעבען בשלום ושלוה, זאָלען איינע דיא אנדערע ניט אונטערדריקען.

אויף דעם וועג טאָר מען ניט געהן, ווען מען וויל ריכטיג פערענטפערן דיא גרויסע, שווערע נאציאָנאלע פראגע. מען מוז זיך אריינלאָזען טיעפער, רוהיג איבערלייגען און גרינדליך נאָכפאָרשען. מען מוז, מיט איין וואָרט, בעהאנדלען דיא פראגע וויסענשאפטליך. מען מוז הערען, וואָס זאָגט דיא וויסענשאפט דערצו און וויא ווייט גערעכט און אמת זיינען איהרע מיינונגען.

דאמיט אָבער זיינען דיא שוועריגקייטען ניט לייכטער געוואָרען, ווייל ניט איין וויסענשאפט, נור גאנצע דריי וויסענשאפטען בעהאנדלען דיא פראגען וועגען נאציאָן. יעדע פון זיי בעהאנדעלט עס נאָך א בעזונדערע מעטאָדע, קומט צו בעזונדערע מיינונגען, וועלכע שטימען ניט אין גאנצען מיט דיא מיינונגען פון דיא אנדערע וויסענשאפטען און יעדע מאכט פּרעטענזיעס, אז וואָס זיא זאָגט, איז אמת, איז קדש.

מען דארף דאריבער קודם כל נאָכזעהען, וועלכע וויסענשאפט איז בכח אין אמת'ן צו פערענטפערן דיא נאציאָנאלע פראגע און ערשט דאן הערען און נאָכפאָרשען, וואָס זיא זאָגט און וואָס זיא לעגט פאָר. נאָר דאריבער א צווייטען מאָל.

דר. קארל פארנבערג.




# אין וויטען מזרח.

שוין צוויי מאָנאט וויא דיא טעגליכע צייטונגען זיינען פול מיט דעפּעשען, קאָרעספּאָנדענצען און סברות וועגען דעם גרויסען קאמפּף, וועלכער פּלאָקערט זיך פאָרנאנדער אין וויטען מזרח צווישען רוסלאנד און יאפּאן און וועלכער סטראשעט צו צושטערן דעם יעצטיגען פרידען אין דער וועלט, א פרידען, וואָס האלט זיך שטענדיג אויף א האָר אין דער קאפּיטאליסטשער אָרגאניזאציאָן פון דער געזעלשאפט. דיא נאכריכטען, וועלכע קומען אָן פון פערשיעדענע ערטער, ספּעציעל פון לאָנדאָן, דעם צענטראל־מארקעט פון אלוועלטליכע נייעס, זיינען זעהר פערפּלאָנטערט און אָפט גאנץ ווידערשפּרעכענד. איין טאָג הייסט עס, אז אָט־אָט ברעכט אויס א מלחמה צווישען רוסלאנד און יאפּאן; אויף מאָרגען אָבער לייקענט מען עס און מען בעהויפּטעט גאָר, אז דער טייוועל איז ניט אזוי שווארץ, וויא מען מאָלט איהם, אז עס האלט נאָך וויט פון א מלחמה און אז דער גאנצער שטרייט וועט שליסליך געשליכטעט ווערן פריעדליך.

היינט, ווען מיר שרייבען דיזע צייל‏ען, ווערן בעשטעטיגט דיא פּעסימיסטישע בעריכטען פון דיא לעצטע פּאָר טעג, אז א מלחמה איז אונפערמיידליך, אויב רוסלאנד וועט ניט נאָכגעבען דיא יאפּאנעזער פאָדערונגען וועגען קאָרעא, דעם עפּעל פון זייער בייערדיגען שטרייט. א דעפּעשע פון לאָנדאָן מעלדעט, אז רוסלאנד מוז אָפּטרעטען פון קאָרעא אָדער זיך נעהמען צו געוועהר, אום צו ברעכען דעם ווידערשטאנד פון יאפּאן. וואָס פאר א נייעס דער טעלעגראף וועט ברענגען מאָרגען, דאָס קענען אפילו דיפּלאָמאטען ניט פאָראויסזאָגען.

אָבער ניט דיא פערשיעדענע נאכריכטען זיינען מיר דאָ אויסען, זאָנדערן דעם פאקט, אז רוסלאנד און יאפּאן האָבען זיך צוזאמענגעשטויסען אין וויטען מזרח און אז זייער מחלוקה וועט זיי אזוי וויט פערפיהרען, דאָס פריהער אָדער שפּעטער וועלען זיי זיך מוזען נעהמען צו געוועהר. דיזער קאמפּף האָט יעדענפאלס א פיעל גרעסערע אלוועלטליכע בעדייטונג, וויא עס שיינט פון ערשטען בליק. עס איז ניט בלויז א רייסעריי וועגען דיא מארקעטס פון מאנדזשוריא און פון קאָרעא; עס איז אויך ניט בלויז א שטרייט וועגען דעם, ווער עס זאָל בעהערשען דעם האלב־אינזעל קאָרעא, זאָנדערן א קאמפּף וועגען

די ריעזיגע כינעזישע אימפעריע און זאָגאר
װעגען דעם, װער עס זאָל הערשען אין מזרח־
אזיען: די געלע ראסע, אנגעפיהרט פון יאפאן,
אָדער די װייסע ראסע אין דער געשטאלט פון
די רוסען.

דער אונערזעטליכער אפעטיט פון דער רו־
סישער רעגירונג צו נייע לענדער טרייבט איהר
אלץ װייטער אין צענטראל און מזרח־אזיען. זיא
כאפט רעכטס און לינקס, ניט אכטענדיג אויף די
פרעטענזיעס פון אנדערע מעכטע אויף דאָרטען
אָפּצולעקען א ביינדעל. איהר לעצטער ביסען איז
געװען מאנדזשוריא, א זעהר גרויסער
און גוט בעפעלקערטער טהייל פון דער כינעזי־
שער אימפעריע. דיזען ביסען האָט זיא איינגע־
כאפט אין איהרע בערען־לאפעס און גענומען
גריזשען מיט דיא צעהנער אין דער צייט,
װען אלע קאפיטאליסטישע מעכטע האָבען זיך
א לאָז געטהאָן אויף כינא, אום צו דערשטיקען
דיא דאָרטיגע פאָלקס־בעװעגונג געגען דיא װײַ־
כע כאפערס, דיא זאָגענאנטע באָקסער־בעװעגונג;
אָבער זיא האָט איהם נאָך ניט ארונטערגעשלונ־
גען אין גאנצען, דען ענגלאנד, אמעריקא און יא־
פאן פראָטעסטירען און פערלאנגען װײַניג־
סטענס פרייען אָבזאץ פאר זייערע סחורות. דיא
מארקעט־פראגע איז, װיא בעװאוסט, דיא װיכ־
טיגסטע אין דער אינערליכער און אויסלענדי־
שער פאָליטיק פון יעדע קאפיטאליסטישע רעגי־
רונג. צוליעב דעם יאָגט מען עס זיך אזוי נאָך
קאָלאָניעס און קאָנצעסיאָנען, צוליעב דעם טרעט
מען אונטער דיא פיס דיא שװאכע און צוליעב
דעם פיהרט מען מלחמות.

דורך דיא פערכאפונג פון מאנדזשוריא איז
רוסלאנד צוגעקומען צו דעם נאָרד־גרענעץ פון
קאָרעא און האָט אויך געװאָרפען א זשעדנע אויג
אויף דיזען װיכטיגען האלבאינזעל. נאָר דאָ האָט
זיא זיך אָנגעשטויסען אויף יאפאן, װעלכע בע־
טראכטעט זייט לאנג קאָרעא אלס איהר ירושה.
עס איז גענוג צו װארפען א בליק אויף דער ביי־
ליעגענדער קארטע פון דעם נעכסטען קריעגס־
טהעאטער אין װײַטען מזרח, אום צו פערשטעהן,
אז דער בעזיץ פון קאָרעא איז פון דער גרע־
סטער װיכטיגקייט ניט נאָר פאר דיא װײַטערע
ענטװיקלונג פון דעם װאונדערבאר־פראָגרעסי־
װען יאפאנעזער פאָלק, זאָנדערן איינפאך פאר
די עקזיסטענץ פון דער יאפאנעזער אימפעריע.

אָבגעזעהען דערפון, װאָס קאָרעא איז בע־
זעצט פון פעלקער, װעלכע זיינען פון איין אָפּ־
שטאמונג מיט דיא יאפאנעזער און װעלכע זיי־
נען שטענדיג געװען אין פערקעהר איינע מיט
דיא אנדערע, איז דער האלב־אינזעל דאָך א זעהר
װיכטיגער סטראטעגישער פונקט. װען יאפאן זאָל
בעהערשען קאָרעא, הייסט עס, אז זיא בע־
הערשט דעם װאסערװעג פון דעם יאפאנעזער
ים אין געלען ים און אז זיא האָט װירקליך דיא
אויבערמאכט אין דיזע װאסערען געגען רוס־
לאנד (בעטראכט דיא קארטע). פערקעהרט, װען
רוסלאנד זאָל פערכאפען קאָרעא, קען זיא אויס־
געצייכענט בענוצען דיא פאָרטען פון דעם האלב־
אינזעל צו אטאקירען יאפאן. דארום װעט יאפאן
זיך ניט אָפּשטעלען פאר א מלחמה מיט אזא
ריזיגע אימפעריע װיא רוסלאנד. דיא יאפאנעזער
רעגיערונג װיל זיך יעצט פערזיכערן, אז רוסלאנד
זאָל ניט קענען ארייננשטעקען א לאפע אין קאָ־
רעא און איהר סטראשען פון דאָרטען. און אויב
זיא װעט ניט קריגען א גענוגענדע בעפרידיגונג,
װעט זיא בעסער יעצט אָנפאנגען א קריעג איי־
דער צו װארטען ביז רוסלאנד װעט זיך פער־
שטארקערן אין סיביר און מאנדזשוריא און א
לאָז טהאָן איהרע מחנות אויף קאָרעא.

פון דעם ערשטען בליק דוכט זיך, אז יאפאן
האָט גאָר קיין אויסזיכט ניט עפעס אויסצופיה־
רען אין א מלחמה מיט רוסלאנד. װיא אזוי קען
יאפאן, װעלכע צעהלט נאָר 40 מיליאָן נפשות,
זיך מעסטען מיט דער רוסישער אימפעריע, װעל־
כע צעהלט כמעט מיט א 100 מיליאָן נפשות
מעהר? אָבער װען מען בעטראכט גרינדליך אלע
אומשטענדען, זעהט מען, אז יאפאן קען גאנץ
גוט אויסהאלטען אזא קאמפף. ערשטענס, ליגט
קאָרעא, װאו דיא שלאכטען װעלען פאָרקומען,
זעהר װייט פון דיא צענטערס פון דער רוסישער
בעפעלקערונג; צװייטענס, איז איבערהויפט
שװער צוצוקומען אהין דורך דער יבשה; דריי־
טענס, איז דיא סיבירישע אייזענבאהן ניט גע־
ניגענד צום אריבערפיהרען גרויסע ארמעען מיט
אלע נויטיגע קריעגס־מאטעריאלען; פיערטענס,
װעט עס נעהמען לאנג ביז דיא רוסישע ארמעע
אין קאָרעא װעט קריגען פערשטערקערונג; פינפ־
טענס, איז דיא רוסישע פלאָטע ניט שטארקער
פאר דיא יאפאנעזער אין יענע װאסערן. דאגעגען
אָבער קען יאפאן זעהר שנעל קאָנצענטרירען
איהר גאנצע קראפט אין קאָרעא און אויך שנעל
צושיקען פערשטערקערונגען, װען נור זי װעט עס
דארפען, דען פון נאגאסאקי און אנדערע פאָרטען
און פעסטונגען קען זיא אין איין טאָג צוקומען

צו דיא זידליכע פּאָרטען פון קאָרעא. מיט איהר מעכטיגער פלאָטע וועט זיא אין שטאנד זיין צו בעשיצען דיא טראנספּאָרטען און צו פערשטערקערן איהר ארמעע אויף דער יבשה.

אויסער דעם, וועלען דיא יאפּאנעזער, וועלכע האָבען בעוויזען זייער גרויסע מיליטערישע קונסט אין דער מלחמה מיט כינא, קעמפּפען מיט פּאטריאָטישע בעגייסטערונג. דען דאָס גאנצע פּאָלק פיהלט, אז עס האנדעלט זיך וועגען זיין עקזיסטענץ, וועהרענד אין רוסלאנד איז דאָס פּאָלק גאנץ גלייכגילטיג און פערשטעהט איבערהויפּט ניט, צו וואָס מען דארף געהן זיך שלאָגען מיט דיא יאפּאנעזער. דיא רוסישע סאָלדאטען וועלען דארום געהן אין שלאכט וויא מיליטערישע מאשינען, וועהרענד דיא יאפּאנעזער וועלען קעמפּפען וויא פּאטריאָטען. מען דארף ניט זיין א קריעגספיהרער צו וויסען, אז דיא פּאטריאָטישע געפיהלען שפּיעלען א זעהר גרויסע און וויכטיגע ראָלע אין שלאכטען, אז בעגייסטערטע סאָלדאטען קענען בעזיעגען א פיעל גרעסערע ארמעע, וועלכע קעמפּפט נאָר אויף דעם בעפעהל פון איהרע קאָמאנדירען.

וויא וועניג דאָס פּאָלק אין רוסלאנד איז פּאראינטערעסירט אין א מלחמה מיט יאפּאן, קען מען שליסען פון דעם, דאָס דיא רוסישע רעגירונג האָט געהייסען איהרע צייטונגען העצען אויף דיא יאפּאנעזער אלס אנטי־קריסטען (וויא בעוואוסט, זיינען דיא יאפּאנעזער בודהיסטען, וואָס עס שטערט זיי גאָר ניט צו שטייגען שנעל אויף דעם לייטער פון פּראָגרעס) און שרעקען דעם עולם מיט דער „געלער געפאהר“. איינער פון דיזע שטיצער פון צארענטיראנייע און פינכטערנים זיינען פּארקראָכען אין זייערע העצונגען אזוי וויט, דאָס זיי רופען דיא יאפּאנעזער „זשידעס פון וויטען מזרח“.....

ווען יאפּאן זאָל זיך ניט בענוצען גלייך דערמיט, וואָס רוסלאנד איז ניט גענוג פּאָרבערייטעט צו א מלחמה אין וויטען מזרח און האָט נאָך ניט דיא נויטיגע אייזענבאהנען פאר איהרע ארמעען, וועט זיא זיכער פערלירען. יעדע פערציהונג פון דעם שטרייט איבער קאָרעא דורך דיפּלאָמאטישע דריידלאך איז אזוי ניצליך פאר רוסלאנד, וויא שעדליך פאר יאפּאן. רוסלאנד האָט צייט צו ווארטען ביז זיא וועט זיך מעהר בעפעסטיגען אין מאנדזשוריא, בעזאָנדערס לעבען דעם גרענעץ פון קאָרעא, און ביז דיא געפּלאנטע אייזענבאהנען וועלען אויסגעבויט ווערען. דאן, ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט, קען זיא אריינשיקען איהרע מחנות אין קאָרעא, און יאפּאן וועט שוין ניט זיין אין שטאנד זיי ארויסצויאָגען. וועהרענד יעצט קען יאפּאן פערכאפּען זעהר לייכט די זידליכע פּאָרטען פון קאָרעא און מארשירען ווייטער צו פערנעהמען דיא בעסטע פּאָזיציאָנען, פון וועלכע דיא רוסישע סאָלדאטען וועלען איהר פיללייכט גאָר ניט קענען פערטרייבען.

דיא רוסישע רעגירונג איז דארום צוגעשפּארט צו דער וואנט דורך דיא ענערגישע פּאָדערונגען פון יאפּאן. זיא מוז יעצט נאָכגעבען און איבערלאָזען קאָרעא, ווייניגסטענס דעם זידליכען טהייל, צו יאפּאן, אָדער זיך בעשליסען אויף א מלחמה. דיא נאָהענטע צוקונפט וועט בעווייזען, וואָס דיא רוסישע רעגיערונג וועט אויסקלייבען. יאפּאן קען יעצט העכסטענס נאָכגעבען, אז מאנדזשוריא זאָל ווערען א רוסישע פּראָווינץ — וועגען קאָרעא וועט זיא און מוז בלייבען פעסט ביי איהר פערלאנג, דאָס רוסלאנד זאָל ניט אריינשטעקען אהין א לאפּע.

אין דיזען קאמפּף זיינען דיא סימפּאטהיען פון אלע ציוויליזירטע פעלקער אויף דער זייט פון דעם מוטהיגען און פעהיגען פּאָלק, וועלכע האָט אזוי שנעל און פיין איבערגענומען דיא אייראָפּעאישע ציוויליזאציאָן. מען פיהלט, אז ניט נאָר האָט יאפּאן רעכט, זאָנדערן אז עס וואָלט זעהר גוט געווען פאר דיא גאנצע וועלט, ווען רוסלאנד זאָל געשלאָגען ווערן אָדער ווייניגסטענס קריגען א דיפּלאָמאטישע נידערלאגע. וויא פיעל איינער זאָל ניט זיין געגען מלחמה איבערהויפּט, געגען דיזע שוידערליכע ירושה פון בארבארישע צייטען, דאָך וועט ער צופריעדען זיין, ווען דיא רוסישע רעגיערונג וועט כאפּען א מפּלה, דען דאָס וועט מוזען פיהרען צו אן אָבשוואכונג פון דער צארענ־טיראנייע און צו א פערשטארקונג פון דיא רעוואָלוציאָנערע קרעפּטע. א זיעג איבער דיא בלינדע מחנות פון צאר בעדייטעט איינפאך פרייהייט און קאָנסטיטוציאָן אין דער רוסישער אימפּעריע. וויא אונגעהייער וויכטיג דאָס איז פאר די גאנצע מענשהייט, פערשטעהט יעדערער.

נאָר פון דעסטוועגען קען יאפּאן ניט האָפען אויף דער אקטיווער שטיצע פון אירגענד וועלכער מאכט, אפילו ניט פון ענגלאנד, ווייל דיא קאפּיטאליסטישע רעגירונגען האָבען ניט אזעלכע אינטערעסען אין קאָרעא, אז זיי זאָלען ארויסטרע־

טען מיליטעריש. ענגלאנד, וועלכע האָט געשלאָסען א בונד מיט יאפּאן און וועלכע האָט א סך שווערע רעכענונגען מיט רוסלאנד, וועט דאָך שטעהן פון וויטענס. העכסטענס וועט זיא העלפען יאפּאן פינאנציעל, און דאָס אויך אין דער שטיל, דען זיא האָט מורא פאר רוסלאנד. דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגען וועגען אמעריקא וויא פיעל דאָס אמעריקאנער פאָלק זאָל ניט סימפּאטיזירען מיט יאפּאן, נאָר מען וועט דאָך א פינגער אין קאלטע וואסער ניט ארייגלייגען, אום איהר צו העלפען געגען רוסלאנד. דיא אמעריקאנער רעגירונג איז נאָך דערצו אזוי וויט פערקראָכען אין דער נידערטרעכטיגער אטאקע אויף קאָלאָמביא און אין דעם נייעם פּאנאמאשווינדעל, אז זיא מוז גוט זיך אין אכט נעהמען געגען אינטריגען פון אייראָפּעאישע מעכטע און זוכען ניט איינצורייסען מיט זיי.

וועגען פראנקרייך איז אָבגערעדט, דען זיא איז דאָך אונגליקליכערווייזע פערבונדען מיט רוסלאנד. זיא וועט אָבער ניט שטיצען רוסלאנד, דען זאָנסט וועט ענגלאנד מוזען זיך אָננעהמען פאר יאפּאן לויט א געוויסען פונקט פון ענגליש־יאפּאנעזער טראקטאט. (דיזער פונקט בעשטימט, אז ענגלאנד מוז העלפען יאפּאן אין פאל דיא לעצטע וועט אטאקירט ווערען פון מעהר וויא איין מאכט.) ניט ענגלאנד און ניט פראנקרייך, וועלכע האָבען גראדע ניט לאנג צוריק געשלאָסען א פריינדליכען אָפּמאך, אום צו שליכטען זייערע שטרייטען דורך א שיעדס־געריכט, וועלען נאטירליך ניט אָנפאנגען צווישען זיך א קריעג צוליעב יאפּאן אָדער רוסלאנד.

וואָס אנבעלאנגט צו דייטשלאנד, זאָ זיצט זיא פעסט אין קיאאָ־שטאו, וואָס זי האָט פערכאפּט ביי כינא (זעהע קארטע), אוןווארט נור אויף א געלעגענהייט צו פערקריכען ווייטער אויף דעם האלב אינזעל שאן־טונג. ווען רוסלאנד זאָל איהר נאָר פערשפּרעכען דיפּלאָמאטישע שטיצע אין דיזער כאפּעריי, וועט זיא אפילו דערלאָזען, אז יאפּאן זאָל אונטערגעהן.

רוסלאנד און יאפּאן וועלען, אלזאָ, האָבען אליין צו פיהרען מלחמה אין וויטען מזרח, אויב עטוואָס אונגעוועהנליכעס וועט ניט טרעפען, וועט זיך קיינער ניט אריינמישען דירעקט אין דיזען העכסט וויכטיגען קאמפּף.

פּאָליטיקוס.

# פראָסט־בלומען

ביי דעם פענסטער וואו'ך פלעג שטעהן,
צוגעדריקט מיין הייסען שטערן
צו דיא קיהלע פייכטע שויבען
און בעגאָסען זיי מיט טרערען —

אויף דיא זעלבע קאַלטע שויבען
זעצט דער פראָסט איצט זיינע צוועטען.
און דיא שטורעם נאַכט צובינדט זיי
אויף דיא זעלטזאַמסטע בוקעטען.

און מיר דאכט, איך הער דעם בייזען
ווילדען שטורעם שפּאָטיש ברומען:
„קלאָג ניט אויף דיין וועלקען, פריהלינג,
„זעה דעם ווינטער'ס וואונדער בלומען...

„דאָ וואו קיין מאָל שטראלט דיא זונן ניט,
„אויף דיא קאַלטע דונקלע שויבען.
„בלייב איך היטען דיר דיא בלומען,
„אז קיין זעעלע זאָל זיי רויבען..."

ה. רויזענבלאט.

# אַ גאַנצע וועלט אין אַ טראָפּען וואַסער.

„א גאנצע וועלט אין א טראָפּען וואסער“ — דאָס איז פון די זאכען שלא היה ולא נברא, אָדער פראָסט גערעדט, ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, טראכטען זיך געוויס אייניגע לעזער לעזענדיג דיעזע ווערטער. נאָר איהר האָט א גרויסען טעות, ווען איהר מיינט, אז איך זאָג עס ניט ערנסט. אי, וועט איהר דאָך געוויס פרעגען מיט הארץ, שטייץ, וואו? וואָס? אָט האָט איהר ניט א טראָפּען, נאָר א גאנצע גלאָז וואסער און אדרבא בעווייזט, לאָמיר טאקי זעהען.

זעהט איהר, אָט דאָס וויל איך טאקי ער־קלערען מיט מיין ארטיקעל און איך האָף, ווען איהר וועט איהם דורכלעזען, וועט איהר זיך אליין איבערצייגען, אז איך בין אויף א האָר ניט מגזם. דאָס איז אן אנערקענטע זאך אָבוואָהל פאר דעם לעזער איז דאָס אפשר נאָך א נייעס, פאר דעם לעזער, וועלכער איז זעהר פערטראָגען מיט דעם ביטערען קאמפף פון דער אלטעגליכער היונה און האָט דעריבער וועניג רוהיגע צייט צו געניסען דיא פרוכטען פון'ם עץ הדעת — פון דער ווי־סענשאפט.

ערסט אין דער צווייטער העלפט פון 18טען יאָהרהונדערט האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט דיא לאָנדאָנער „קעניגליכע וויסענשאפטליכע געזעלשאפט,“ וועלכע איז צו יענער צייט געווען דער מיטעלפונקט פון דער וויסענשאפט, און מערקווירדיג איז דערביי וואָס דעם וועג צו דער „נייער וועלט“ אים טראָפּען וואסער האָט דורכגע־בראָכען א מענש אָהן וויסענשאפטליכע קענטני־סע, וועלכער איז אין זיין יוגענד געווען א געוויינ־ליכער משרת אין א קלייט.

א קליינעם בעגריעף וואָלט דער מענש גע־האט פון אונזער וועלט, ווען ער וואָלט געקוקט אויף איהר נור מיט זיין געוועהנליכעם אויג, ווען ער וואָלט ניט געהאט קיינע אינסטרומענ־טען, קיינע טעלעסקאָפּען, וועלכע עפענען איהם טהיר און טויער פון אונזער ווייטען הימעל; ער וואָלט ניט געהאט דיא מעגליכקייט צו זעהען דיא אונגעהייערע גרויסע צאָהל נייע, מורא'דיגע גרויסע הימעלס־קערפּער, נייע זונען־סיסטעמען, מיט איין וואָרט, ער וואָלט ניט געווען אים שטאנד צו וויסען און צו ערפאָרשען נייע וועל־טען, וועלכע זיינען כחול הים, צווישען וועלכע אונזער ערדקוגעל בערעכנעט זעהר א קליינעם אָרט און איז נאָר א קליינער מיוחס. מיט דעם געוועהנליכען אויג זעהט דער מענש ניט, וואָס עס טהוט זיך אין דעם ווייטען, אין טיעפען דונ־קעלען הימעל. און מיט דעם געוועהנליכען אויג, אָהן אינסטרומענטען, זעהט ער אפילו ניט דאָס וואָס עס טהוט זיך פאר'ן נאָז און שטעלט זיך גאָר ניט פאָר, אז אין דער ערד, אין דער לופט און בעזאָנדערס אין וואסער געפינט זיך גאָר א נייע וועלט.

ערסט אין 1675 יאָהר האָט זיך א געוויסען אנטאָן פאָן לעווענגוק איינגעגעבען דורך א פער־גרעסער־גלאָז אריינצודרינגען אין דער שטומער נאטור און ארויסצורייסען פון איהר נייע וויכ־טיגע סודות.

לעווענגוק, וויא מיר האָבען שוין געזאָגט, האָט ניט געהאט קיין וויסענשאפטליכע קענט־ניסע, און איז אין זיין יוגענד געווען א משרת אין א קלייט, נאָר ער האָט דיא פראָפעסיאָן פון מסחור געוואָרפען און איז בעסער געוואָרען א שומר אין געריכט פון זיין אייגענער שטאָדט, אין דעלפט. דאָרט, ווען ער פלעגט נאָר האָבען ליידיגע צייט, פלעגט ער זיינע גרויסע פעהיג־קייטען צו מעכאניק אָבגעבען אויף שלייפען פערגרעסערונגס־גלעזער. מיט גרויס חשק פלעגט ער ארבייטען איבער זיינע פערגרעסערונגס־גלעזער, דורך וועלכע ער פלעגט בעטראכטען און ערפאָרשען פערשידענע קליינציגע בשעפעניסען, פליגעלעך, פפלאנצינגען. ער איז געוואָרען מיט דער צייט א קינסטלער אין זיין ארבייט און האָט געמאכט אזעלכע אויסגעצייכענטע גוטע מיקראָ־סקאָפּען, דורך וועלכע ער האָט ענדליך ענטדעקט דיא „סודות פון דער נאטור“. מיט בעגייסטערונג

פלעגט ער שרייבען וועגען זיינע וואונדערליכע ערפאָרשונגען אין לאָנדאָן צו דער קעניגליכער וויסענשאפטליכער געזעלשאפט.

איין מאָל איז איהם איינגעפאלען א גליקליכער געדאנק צו בעטראכטען מיט'ן מיקראָסקאָפּ פשוט'ע רעגען־וואסער. דערצו האָט ער גענומען אין א גלעזערנע טרייבעל א ביסעל רעגען־וואסער פון א פאס וואסער, וועלכע איז שוין געשטאנען עטליכע טעג צייט, און האָט עס ארונטערגעלייגט אונטער זיין מיקראָסקאָפּ. איהר קענט זיך פאָרשטעלען זיין גרויס וואונדער, ווען ער האָט מיט א מאָל דערזעהען פאר זיך א נייע וועלט פון אן אונגעהייערע צאָהל לעבעדיגע ברואים'לאך, וועלכע זיינען געוועזען אָהן א גוזמא טויזענדער מאָל קלענער, איידער דער דינסטער שטויב. דיא ברואים'לאך זיינען געוועזען פון פערשידענע מינים. איין מין פון זיי האָבען געהאט פון פאָרענט עפּעס אזעלכע מאָדנע הערנער עהנליך צו א פּאָר פערדישע אויערען, וועלכע האָבען זיך שטענדיג בעוועגט אהין און אהער, און פון הינטען — א לאנגען עק. אנדערע חיה'לאך פלעגען שטענדיג לעבען, ווי עס ווייזט אויס, נאָך דער מאָדע און פלעגען ענדערן זייער אויסערן אויסזעהען. א דריטער מין פון זיי איז געוועזען אזוי קליין, דאָס ער האָט זיי קוים וואָס געקענט בעטראכטען, און דיזע פלעגען נאָך גיכער, איידער אלע, שטענדיג אומדרעהען זיך און בעוועגען זיך.

אין פרישע וואסער אָדער אין פריש צוגאנגענעם שנעע האָבען זיך אזעלכע ברואים'לאך ניט געפונען. אָבער וויבאלד דאָס וואסער איז געשטאנען א פּאָר טעג, האָבען זיך באלד אָנגעהויבען בעווייזען פערשידענע אורחים, פערשידענע ברואים'לאך, וועלכע פלעגען זיך מעהרען גאָר אָהן א צאָהל און אָהן אן אויפהער. דיא ערשטע צייט האט לעווענגוק געמיינט, אז ער האָט דאָ צו טהאָן מיט יענע קליינציגע בעוועגליכע אטאָמען, פון וועלכע עס בעשטעהט אונזער וועלט, וויא דאָס האָט געלערנט דער אלטער גריכישער פילאָזאָף דעמאָקריט. נאָר באלד האָט ער זיך אליין איבערציינט, אז דאָס זיינען טאקי אמת'ע, לעבעדיגע ברואים'לאך, וועלכע פירען א זעלבסטשטענדיגען לעבען אין א טראָפּען וואסער.

שפּעטער, אין א האלב יאָהר ארום, האָט זיך איהם געוואָלט וויסען פון וואנעט עס נעהמט זיך אזא ביטערער טעם אין געווירץ פון פּפעפער. ער האָט צוליב דעם צוועק בעגאָסען פּפעפער מיט א ביסעל וואסער און האָט עס אזוי געלאָזען שטעהן א פּאָר טעג. וויא גרויס איז געוועזען זיין וואונדער, ווען זיין מיקראָסקאָפּ האָט איהם ענטדעקט אויך דאָרט אן אונגעהייערע צאָהל זעהר קליינע ברואים'לאך, עהנליך צו יענע, וועלכע ער האָט געזעהען אין רעגען־וואסער, נאָר וועלכע ס'האָבען געהערט צו אן אנדער מין בריה, אין יעדען טראָפּען פון דעם פּפעפער־וואסער האָט זיך געפונען אודאי א טויזענד שטיק נידריגע איינפאכע ברואים'לאך, פּראָטאָצאָא, וויא דיא געלעהרטע רופען עס.

דורך דעם האָט זיך, פערשטעהט זיך, פאר'ן מענשען געעפענט גאָר א נייע אונבעקאנטע וועלט. דיא ענטדעקונג פון לעווענגוק האָט בעקומען אין דער נאטור־וויסענשאפט אזא גרויסע בעדייטונג, וויא דיא ענטדעקונג פון אמעריקא פאר דיא עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פון דיא אייראָפּעאישע פעלקער.

עס איז אויך גאנץ לייכט צו פערשטעהן, דאָס צו יענער צייט האָט מען אויף דעם געקוקט טאקי וויא אויף א באָבע־מעשה. זעהען מיט דיא אייגענע אויגען האָט עס קיינער ניט געקענט און גלויבען אזא וואונדערליכע זאך אויף נאמנות האָבען זיך אויך ניט געפונען קיין בעלנים. וואָס דארפט איהר מעהר, אפילו דיא לאָנדאָנער קעניגליכע געזעלשאפט האָט אין אָנהויב אויך געהאט ווייניג אמונה אין אונזער „דעלטער פילאָזאָף“. דיעזע געזעלשאפט האָט נאָך ניט געהאט אזא פאָלקאָמענעם מיקראָסקאָפּ, דורך וועלכען זיא זאָל קענען זעהען אליין מיט איהרע אויגען דיא משונה'דיגע בעשעפעניסען, וועלכע לעווענגוק האָט בעשריבען. אזוי האָט עס געדויערט כמעט א יאָהר צייט, ביז סוף 1677טען יאָהר, ביז דער פּרעזידענט פון דיזער געזעלשאפט, ראָבערט גוק, האָט מודיע געוועזען דער געזעלשאפט, דאָס נאָך פיעל מיהע און מאטערנעם האָט זיך איהם איינגעגעבען צו מאכען אזא גוטען מיקראָסקאָפּ, דורך וועלכען ער האָט געזעהען אן אונגעהייערע צאָהל קליינציגע ברואים'לאך אין פּפעפער־וואסער. איהר קענט זיך פאָרשטעלען, וואָס פאר א רעש דאָס האָט אָנגעמאכט. פון דאן אָן איז שוין מעהר ניט געוועזען קיין ספק, אז אין א טראָפּען וואסער געפינט זיך א גאנצע אונזעהבארע וועלט פון ברואים'לאך.

ערשט אין א הונדערט יאָהר ארום האָט אָטטאָ מיללער אין דענעמארק, וועלכער האָט

זיך בעשעפטיגט מיט דיזע קליינציגע בעשעפעני־
סען א 12 יאָהר צייט, בעשריבען 380 פערשידע־
נע מינים ברואים׳לאך, וועלכע לעבען אין טייך
און אין ים וואסער פון קאָפּענהאגען. אין 19טען
יאהרהונדערט האָבען זיך דיא נאטור־פאָרשער
גענומען שטארק מיט זייערע פערפאָלקאָמטע
אינסטרומענטען צו דער אונטערזוכונג און ער־
פאָרשונג פון דיזער נייער וועלט. זייער ארבייט
איז ניט געגאנגען אומזיסט פערלאָרען. זיי האָ־
בען טאקי ענטדעקט זעהר אסך נייע מינים
ברואים׳לאך און דערצו אויך א בעזונדערן מין
מיקראָסקאָפּישע קליינע פלאָרא (פפלאנצונג),
וואָס ווייטער און ווייטער האָט זיך דער מענש
אלץ מעהר און מעהר דורכגעשלאָגען א וועג צו
דיזער „נייער וועלט“, וואו דיא קלענסטע בע־
שעפעניסען קענען זיך ניט בעהאלטען מעהר פון
דעם מענשענס אויג, וואו דער מענש דרינגט
אריין מיט זיין שארפען בליק אין זייער געהיי־
מען לעבען. דער מענש ערפאָרשט און בעשרייבט
זיי, און דיא וויסענשאפט ווערט וואָס ווייטער
אלץ רייכער און רייכער.

און דער שליסעל צו דער נייער אונזעהבארער
וועלט איז דאָך ניט מעהר וויא א פערגרעסער־
גלאָז! אזוי איינפאך!

יא, איצט איז עס שוין אין אונזערע אויגען
גאנץ איינפאך. אָבער מיט א הונדערט יאָהר צו־
ריק האָט מען דורך אזא איינפאכע זאך וויא א
מיקראָסקאָפּ געקענט האָבען א גאנ׳ץ אנדער
פסק אפילו אין דער ציוויליזירטער אייראָפּא.
למשל, אין באיערן איז געשטאָרבען איינער א
דאָקטאָר אין א קליינע שטעדטעל. ער האָט נאָך׳ן
טוידט געדארפט מעשה־שטן איבערלאָזען א
מיקראָסקאָפּ, און דער עולם האָט איהם געהאל־
טען דערפאר פאר א מכשף. פאָרקענדיג זיך צווי־
שען זיינע זאכען, וועלכע ער האָט איבערגעלאָ־
זען, האָבען דיא בויערן געפונען דאָרט א טריי־
בעל, וועלכע איז געווען פערשטעקט פון ביידע
זייטען מיט גלאָז. איהר קענט זיך פאָרשטעלען
וואָס פאר א שרעק זיי האָט אָנגעכאפּט, ווען זיי
האָבען, א קוק טהוענדיג אין טרייבעל, דאָרט מיט
א מאָל דערזעהען א שווארצע משונה׳דיגע
בריאה. דאָס איז געווים א שד, האָבען זיי זיך
געטראכט. נאָך גוט וואָס צווישען זיי האָט זיך
געפונען א דרייסטיגער מאן, וועלכער האָט גע־
וואגט צו צוברעכען דאָס טרייבעל און פּאקען
דעם שד. נאָר אוי וועה! אָנשטאָט א שד האָט
ער דערטאפּט פשוט א פליי. וויא איהר זעהט,
ווערט אין דיא אויגען פון דעם אונוויסענדען
מענשען און דורך זיינע פאָראורטהיילע א
פשוט׳ער פליי צו א שרעקליכען שד.

דיזע „נייע וועלט“ איז איצט אָפען ניט נאָר
פאר דיא געלערנטע און געבילדעטע, ווייל א
מיקראָסקאָפּ קען מען שוין איצט בעקומען פאר
20—30 דאָלאר. יעדער פון אונז קען איצט האָ־
בען דעם גרויסען פערגניגען אריינצודרינגען
טיעף אין דיא סודות פון דער נאטור. ווער
עס האָט נאָר דיא מעגליכקייט צו בענוצען זיך
מיט דעם מיקראָסקאָפּ, קען גאנ׳ץ לייכט זעהען
דיא נייע וואונדערליכע וועלט. ער נעהמט דער־
צו א גרויסען טראָפּען וואסער צווישען 2 דינע
שטיקלאך גלאָז (כדי דער טראָפּען וואסער זאָל
זיך ניט גיך אויסטריקענען) און לעגט עס ארונ־
טער אונטער זיין מיקראָסקאָפּ, וואו ער זעהט
פשוט נסים ונפלאות.

צו בעשרייבען אייך דיזע וואונדערליכע
אינטערעסאנטע וועלט מיט איהרע פערשיע־
דענסטע פיעלע פפלאנצונגען און בעשעפעניסען
אין א קורצען ארטיקעל, איז איינע פון דיא
זאכען וואָס קענען ניט זיין, און איך טראכט
גאָר וועגען דעם ניט. נאָר דאָך קען איך זיך ניט
אָבזאָגען צו געבען דעם לעזער חאָטש א בע־
גריף, ריכטיגער געזאָגט, נאָר אָנדייטען איהם
וועגען דעם, וואָס דער מענש זעהט אין א טראָ־
פען וואסער.

נאָר אפריהער וויל איך נאָך מודיע זיין
דעם לעזער, וויא איך האָב שוין אויבען וועגען
דעם דערמאָנט, אז ניט יעדער טראָפּען וואסער
טויג פאר אונזערע ערפאָרשונגען. עס איז פאראן
וואסער, וואו מיר וועלען אומזיסט זוכען אזעלכע
לעבעדיגע בעשעפעניסען. א פרומער איד אָדער
א וועגעטעריאנער האָבען זיך ניט שטארק וואָס
צו שרעקען און מעגען זיין רוהיג, דאָס זיי האָ־
בען נאָך ניט עובר געווען זייער פרינציפּ מיט
דעם, וואָס זיי האָבען אויסגעטרונקען א גלאָז
פרישע וואסער.

אין קוואל־וואסער אָדער אין פרישע ברונען־
וואסער געפינען זיך ניט קיין לעבעדיגע ברואים׳־
לאך, קיין לעבעדיגע אָרגאניזמען און, ווען עס
געפינען זיך שוין יא אזעלכע, זיינען זיי אויך
זעהר ווייניג. וויא אונזער טהירישע וועלט קען
ניט אויסקומען אָהן נאהרונג, אזוי מוזען אויך
דיא קליינציגע ברואים׳לאך האָבען פון וואנעט
צו לעבען. זיי לעבען ניט פון נסים, נאָר זיי
שפּייזען זיך מיט מיקראָסקאָפּיש קליינע פפלאנ־

צונגען. דיזע פפלאנצונגען, כדי זיי זאָלען קענען וואקסען און ענטוויקלען זיך, קענען ניט אויסקומען אָהן דער ווירקונג פון דער זון, וויא אָהן איהר קענען ניט אויסקומען בכלל קיין בלום און קיין גראָז. דאריבער איז ניטאָ קיין לעבען אין טיעפע ברונען וואסער, וואו דיא זון קומט ניט צו און וואו עס געפינט זיך נאָך דיא שעדליכע קוילענזויערע (זעה אונטען). נאָר ווען דאָס וואסער אין ברונען ווערט קויטיג און פעראונרייניגט, דאן ווערט אויך א לעבען פאר פערשיעדענע פפלאנצונגען און ברואים׳לאך. ווער רעדט אין גרויסע טייכען און אין פילטרירטע (דורכגעזייטע) וואסער, וועלכע פליסען צו אונז דורך דיא וואסער־לייטונגען, זיינען זיי כמעט גאָר ניטאָ, אָדער זעהר זעלטענע געסט.

דער לעזער האָט געוויס בעמערקט, דאָס ווען מען נעהמט א גלאָז געוועהנליכע וואסער און מען האלט עס געגען דיא שטראהלען פון דער זון, קען מען זעהען מיט א געוועהנליכער אויג זעהר א סך שווארצע ברוינע פינטעלאך, דינע פעדעמלאך. נאָר דאָס זיינען געוועהנליך נאָר ברעקלאך ליים.

א סך פון דיזע ברואים׳לאך טרעפען מיר אָבער אין שטעהענדיגע וואסער פון טייכלאך, שאזעלקעס, זומפען. דאָ לעבען און ארבייטען קליינציגע קרעבסען, וואסער־שנעקעס, פיאווקעלאך און ד. ג. וויא אונזערע מיקראָסקאָפישע איינוואָהנער דערפיהלען נאָר דיא ליכטיגע זון, באלד קלייבען זיי זיך צוזאמען מחנות־ווייז אין דער הויך אויפ׳ן וואסער. דיא אויבערסטע וואסער פלעכע זעהט דאן אויס, וויא דער לעזער האָט געוויס פיעל מאָל בעמערקט, דאָ בלאָהרויט, דאָ געל, ברוין אָדער גרין, פונקט וויא עס וואָלט געוועזן ערטערווייז געפארבט מיט פערשיעדענע פארבען.

לאָמיר נעהמען אזא טראָפען וואסער און זעהען וואָס טהוט זיך דאָרט. קורץ גערעדט, זעהען מיר פאר אונזערע אויגען פשוט א גאנצעס פעלד מיט פערשיעדענע גרעזער, א וואלד מיט צווייגען, וועלכע זיינען מורא׳דיג פערפלאָנטערט איינער מיט׳ן צווייטען צו זעהר א געדיכטען נעץ. יא, פערשידענע בוימער און פפלאנצונגען פון דעם מיקראָסקאָפישען וואלד זיינען געוועהנליך גרין. און וויא קליין זיי זיינען ניט, דאָך וואקסען זיי גלייך וויא אונזערע געוועהנליכע וועלדער און פעלדער; ווען דיא זון שיינט, זייגען זיי איין אין זיך קוילענזויערע (*), וועלכע געפינט זיך אין וואסער.

דיזע מיקראָסקאָפישע פפלאנצונגען האָבען, וויא אלע פפלאנצונגען, זייער אייגענעם לאבאָראטאָריום: איינזויגענדיג אין זיך דיא קוילענזויערע, שפאלטען זיי אָפ פון איהר דעם קוילענשטאָף, וועלכען זיי פעראייניגען אין זיך מיט וואסער צו כעמישע פערבינדונגען און ארבייטען אויס דערפון קראָכמעל, וועלכער געהט איבער אין צוקער. ווייטער פערבינדען זיך דיזער קראָכמעל און צוקער אין דיא וואסער־גרעזער מיט נאָך אנדערע קערפער, וועלכע געפינען זיך גראד אין וואסער, למשל, מיט אמאָניא (זיין שטעכענדען גערוך וויים יעדער איד, וועלכער איז נאָר געוועזן יום כפור אין שוהל, וואו מען פערטרייבט מיט זיין גערוך דעם ביטערען הונגער), וועלכער האָט אין זיך דעם עלעמענט שטיק־שטאָף. און אָט פון דעם בילדעט זיך דאָס בוימאטעריאל פאר דיא לעבעדיגע אָרגאניזמען: אייוויים־קערפער, פראָטאָפלאזמען, וויא דיא געלעהרטע רופען עס.

ווען מיר קוקען אריין אין אונזער טראָפען וואסער, זעהען מיר ביי דער בעלייכטונג פון דער זון זעהר א סך קליינע בלעזכען, גלייך וויא אין קאָכענדעס וואסער, אָדער ווען מען עפענט א סיפאָן סעלצער־וואסער, פון וואנעט דיא קוילענזויערע ענטלויפט. זעהט איהר, אָט דאָס זיינען

(*) קוילענזויערע איז א כעמישע פערבינדונג פון קוילענשטאָף און זויערשטאָף. דער מענש אַטהעמט איין שטענדיג דען זויערשטאָף, וועלכער געפינט זיך אין דער לופט און אטהעמט אויס דערפאר קוילענזויערע. אן ערוואקסענער מענש, וויא דיא געלעהרנטע האָבען אויסגערעכענט, אָטהעמט אויס טעגליך אן ערך 900 גראם קוילענזויערע, ד. ה. כמעט א פערטעל קילאָ קוילענשטאָף (פשוט קוילען).

דיא גרינע פפלאנצונגען אָבער טהוען פונקט דעם היפוך, וואָס דאָס ברענגט זעהר א גרויסען נוצען. ערשטענס, צערשפאלטען זיי אונטער דער ווירקונג פון דער זון דיא שעדליכע קוילענזויערע צוריק אין קוילענשטאָף און זויערשטאָף. דעם זויערשטאָף גיבען זיי אָפ צוריק דער לופט, וואָס דאָס איז אזוי נוצליך פאר דעם מענשען׳ס לעבען. צווייטענס, דעם אָפגעשפאַלטענעם קוילענשטאָף נעהמען דיא פפלאנצונגען אויף אין זיך, וואָס איז זעהר נויטיג אלס א נאהרונגס־מיטעל פאר זייערער ווייטערע ענטוויקלונג.

אונזערע זויער־שטאָף בלעזכען, וועלכע די וואַ־
כער־פּפלאַנצונגען לאָזען ארויס פון זייער לאַבאָ־
ראַטאָריום, אָפּשפּאַלטענדיג עס פון דער קוילען־
זויערע. און אזוי ווי זויער־שטאָף איז א גאַז,
פערשטעהט זיך, ענטלויפט עס צו פערמישען זיך
מיט דער לופט.

א סך פערגעמלעך פון אונזער מיקראָסקאָפּי־
שען וואלד בייטען זיך און ענדערן זיך פאר אונ־
זערע אויגען, וואָס מען קען גאַנץ גוט בעמער־
קען.

לאָמיר זיך צוקוקען צו דעם מין עדאָגאָניום
(Oedogonium) צו איינע פון זיינע צווייגלאך.
זיינע שטענגלאך, צווייגלאך, זעהען מיר, אלס
א געפלאָכטענעם נעץ פון דינע, גרינע זיידענע
פעדימלאך; יעדער צווייגעל פון זיי, ווי אונז
איז בכלל בקאנט, בעשטעהט פון צעללען, וועלכע
ליגען איינער אויף'ן צווייטען ווי א שנור
פערל, זעהען אויס ווי קריסטאַל־גלעזער, גע־
פילט מיט גרינעם זאפט. אין מיטען פון יעדער
צעללע געפינט זיך א צעללען־קערנדעל. און ווי
גרויס איז אונזער וואונדער, ווען מיר זעהען,
דאָס דאָרט קומען עפּעס פאָר גרויסע הכנות, ווי
פאר אן איבערקעהרעניס. כדי ניט לאנג מאריך
צו זיין, וועל איך זאָגען, דאָס פון זיי ענטוויקלען
זיך קליינציגע גרינע קוגעלכען, וועלכע בעוועגען
זיך, טאנצען ארום אהין און אהער, ווי לעבע־
דיגע חיה'לאך. כמעט אלע פּפלאַנצונגען פון אונ־
זער מיקראָסקאָפּישען וואלד האָבען אין זיך
די טבע צו בילדען אזעלכע מיקראָסקאָפּישע
לעבעדיגע אָרגאַניזמען. זיי בעוועגען זיך אליין
גאַנץ פריי און מיט רעכט האָט מען זיי טאקי א
נאָמען געגעבען, פּראָסט גערעדט, נע־ונד'ניקעס.

דאָ אין טראָפּען וואסער זעהען מיר איינע
פון די וואונדערליכסטע ערשיינונגען. ווי עס
איז בכלל ביי אלעמען אָנגענומען די מיינונג,
בעשטעהט דער אונטערשייד צווישען פּפלאַנצונ־
גען און לעבעדיגע וועזען אין דעם, וואָס די
לעצטערע בעוועגען זיך אליין גאַנץ פריי. נאָר,
ווי דער לעזער זעהט, איז גאַנץ פאלש צו מאַ־
כען אזא אונטערשייד אין אונזער מיקראָסקאָ־
פּישער וועלט. פון אונבעוועגליכע פּפלאַנצונגען
ענטשטעהען אזעלכע קערפּער, וועלכע בעוועגען
זיך אויך ווי לעבעדיגע וועזען.

ליידער קענען מיר זיך לענגער ניט אָבשטעל־
לען ביי די וואונדער, וועלכע שפּיעלען זיך אָב
ביי דיעזע צעללען פון די פּפלאַנצען. איך וויל
אָבער נאָך וואַרפען א בליק אויף די לעבעדיגע
איינוואָהנער פון אונזער וואלד.

אין פיעלע ערטער פון אונזער טראָפּען וואַ־
סער געפינען זיך פערשידענע לעבעדיגע וועזען
און דערצו אזוי פיעל און אזוי געדיכט, ווי אויף
א גרויסען יריד אָדער אויף א היימליכע חתונה.
איך וועל נאָר ארויסכאַפּען א פּאָר פון זיי, כדי
דער לעזער זאָל האָבען א ברעקעל בעגריעף, וואָס
פאר פערשיעדענע מינים חיה'לעך עס געפינען
זיך דאָרט.

אָט, למשל, שווימט מיט גאוה און שטאָלץ
א חיה'לע, וועלכע זעהט אויס ווי א שוואַן
(לעבעד) און דערפאר האָט זי טאקי געכאפּט
אזא נאָמען. זי רוקט זיך אין אלע זייטען מיט
איהר בויגזאמען לאנגען האלז ווי מיט א
בייטש. מיט א מאָל ווערט די קליינציגע
חיה'לע עפּעס אונרוהיג און כאפּט די הענד מיט
די פיס און ענטלויפט. און טאקי ניט אומזיסט:
נאָך איהר יאָגט זיך א ווילדע בריה, איהר שונא
ראַטיפער. דיעזער שונא האָט ניט אומזיסט בע־
קומען זיין נאָמען, ד. ה. רעדער־טהיער, ווי מיר
וועלען עס באלד זעהען. דיעזער שונא איז א
לאנגע חיה מיט א געשפּאָלטענעם עק, אין מיטען
פון איהר דורכזיכטיגען קערפּער האָט זי עפּעס
א מין שרעקליכען מויל. און אזוי ווי זי איז,
צווישען אונז גערעדט, א גרויסע פרעסערין, אר־
בייט זי שטענדיג מיט'ן מויל. דאָ עפענט עס זיך
און דאָ מאכט עס זיך ווידער צו. מיט צוויי
פּייער־רויטע אויגען לויערט זי אויף איהר
קרבן. פון ביידע זייטען קאָפּ זיינען פאראַן
עפּעס 2 מאָדנע אָרגאַנען ענליך צו צוויי רעד־
לאך, וועלכע דרעהען זיך שטענדיג ווי א מאשין,
וועלכע דינען איהר גאַנץ גוט פאר איהר רויב:
היה'לאך און פּפלאַנצונגען, וועלכע געפינען זיך
ניט ווייט פון איהר, ווערען צוגעצויגען און
אריינגעשלונגען אין דיזע רויבערישע מויל מיט
א מורא'דיגער קראַפט.

עס זיינען דאָרט פאראַן אויך אזעלכע
היה'לעך, וועלכע לאָזען פון זיך ארויס אזא
שוויס, וואָס דינט זיי אלס מאַטעריאַל צו מאַ־
כען זיך א ליכטיגע שטיבעלע. דיזע שטיבעלעך
זיינען פון אונטען צוגעבונדען צו א דינעם צוויי־
געל און פון אויבען אָפען. פון דער אויבערסטער
לעבעלע שטעקט דיזע חיה'לע ארויס איהר קע־
פעלע צו זוכען זיך חיונה. ווי זי דערשמעקט,
אז עס איז עפּעס ניט גלאַט, אז א שונא קומט
אָן, רוקט זי באלד אריין צוריק איהר קעפעל

אין שטיבעלע, פונקט וויא א שנעקע (אוליטקע) אזא חיה'לע איז, צום ביישפּיעל, סטענאָר (Stenor) און נאָך אנדערע.

מיט איין וואָרט, אונזער גרינעם וואלד אין טראָפּען וואסער בעוואָהנען זעהר פערשיעדענע מינים לעבעדיגע וועזען. אונזער טהירישער גארטען איז צו גרויס, און דער לעזער איז שוין אזוי אויך געוויס מיד צו שפּאצירען מיט מיר. נאָר נאָך אפּאָר ווערטער מוז איך דאָך זאָגען וועגען זיי.

מיט אונזער מיקראָסקאָפּ קען מען זיך גאנץ גוט איבערצייגען, דאָס צווישען דיא חיה'לאך פיהרען אנדערע פון זיי דו־כאוים א וועגעטאריאנישען לעבען וויא אמת'ע גראָז־פרעסער; נעהרען זיך נור מיט פפלאנצונגען; אנדערע פון זיי פיהרען אָבער א רויבערישען לעבען און נעהרען זיך מיט לעבעדיגע ברואים'לאך.

ווייטער מוז איך אייך דערצעהלען, אז דאָרט איז דעם שלאפען אויך ניט בעזאָנדערס זיס צו לעבען. וויא דער לעזער האָט שוין געמערקט, שפּילען זיך דאָרט אָפּ בלוטיגע סצענעס און ביטערע טראגעדיעס. דאָרט פיהרט זיך א ביטערער קאמפּף פאר'ן לעבען — דיא גרויסע טרייבקראפט פון אונזער פּראָגרעס. אויך דאָרט פאלט דער שלאפער און מנצח איז דער שטארקער.

* * *

איך מוז דערווייל אָנזאָגען דעם לעזער א שלעכטע בשורה, דאָס, רעדענדיג מיט איהם אזוי אין איילענים וועגען אונזער טראָפּען וואסער, אין וועלכען עס ליגען פערבאָרגען אזעלכע וואונדערליכע בודות, איז געשעהן א גאנצער אונגליק. אונזער טראָפּען וואסער האָט דערווייל אויסגעטריקענט און עס איז חרוב געוואָרען א גאנצע וועלט.

דערלאנגט נאָר א קוק, וואָס פאר א חורבן דער וואלד האָט איינגעדארט. דיא וואונדערשעהנע צעללען האָבען זיך צוזאמענגעקאָרטשעט און האָבען זיך צוגעקלעפּט צום גלאָז און דיא אונגעהייערע צאָהל ברואים'לאך האָבען דורך אזא איינטריקענעם בעקומען א שרעקליכע הונגער־צייט, וואָס זיי דאָבען ניט געקענט אויסהאלטען. פון זיי איז געוואָרען פּשוט א תל עולם.

אמת, אנדערע פון זיי האָבען געהאט דעם גליק צו ראטעווען זיך צו דער רעכטער צייט. פיהלענדיג, אז דאָס וואסער טריקענט אויס און אז עס קומט אָן א הונגער־צייט, האָבען זיי זיך באלד גענומען ראטעווען: זיי האָבען זיך צוזאמענגעדרעהט וויא א קניילכעל, אין גלאטע קוגעלכען, און דערצו האָבען זיי זיך ארומגעשלאָגען אין א מין פעסטונג, אין א קאפּסול, וועלכער בילדעט זיך דורך דיא פייכטקייט, וואָס זיי לאָזען ארויס פון זייער קערפּער און וואָס טריקענט ארום זיי וויא א הארטער שאָלעכין. דאָרט ליגט אזא חיה'לע אין א לעטארגישען שלאָף, פונקט וויא א טוידטע. אין דיזען צושטאנד קען זיא אָהן סכנות אריבערטראָגען זעהר פיעל, היץ און קעלט, ניט פערלירענדיג דערביי יאָהרען־לאנג איהר לעבענס־פונק ביז עס קומט דיא ישועה.

דיא ישועה הויבט זיך אָן דאן, ווען עס לויפט דורך א ווינטעל איבער אונזער איינגעטריקענטער וועלטעל, פערכאפּט אונזערע איינגעשלאָפענע חיה'לאך מיט דיא אלע איבריגע קערפּער און פארשפּרייט זיי אין דער לופט. דאָרט שוועבען זיי וויא דינע שטויב מיט דיא אלע איבריגע אונריינינגקייטען פון דער לופט: פערשיעדענע קליינציגע פפלאנצונגען, פיצלאך קוילען און רויך פון דיא קוימענס, אָבגעריבענע אלטע שמאטעס א. ד. ג., וואָס מיט דער צייט זעצט עס זיך אלס שטויב אויף אונזערע מעבעל, דעכער א. ד. ג. מאנכע פון דיא שטויב האָבען אָבער דעם גליק צו פאלען איבער וואסער און צווישען זיי אויך אונזערע איינגעשלאָפענע היה'לאך. דאָ הויבט זיך דאן אָן אמת'ער „תחית המתים“.

דיא חיה'לאך אין דיא קאפּסולען, געפינענדיג זיך אין וואסער אונטער דיא ליכטיגע שטראהלען פון דער זון, לעבען זיך פּשוט אָב. וויא זיי ציהען אריין אין זיך וואסער, קומען זיי ווידער צו זיך. זיי הויבען זיך אָן צו ריהרען, בעוועגען אין זייער פינסטערע קברים'לאך, אין דיא קאפּסולען, און וואָס ווייטער אלץ ריהרעוודיגער און לעבעדיגער ביז דער קאפּסול צערשפּאלט זיך און דיא חיה'לע ווערט פריי און טרעט אריין אין איהר פריהערדיגען לעבען.

וויא מיר ווייסען שוין, פערמעהרען זיי זיך זעהר גיך. פון איין חיה'לע קענען אויפשטעהן גאנצע דורות, און אין גיכען פערפיהרט זיך א גאנצע וועלט. עררענבערג האָט אויסגערעכענט, אז אין 24 שעה קען פון איין חיה'לע בעשאפען ווערען נייע 16 מיליאָן, היינט קענט איהר זיך

גאר פארשטעלען, וואס עס געשעהט, ווען אזעלכע חיה׳לאך מעהרען זיך א וואך צייט!

לעזענדיג דעם ארטיקעל איז אונזער לעזער נעווים איינגעפאלען א פיינע שאלה, וועלכע עס האט זיך אויך געפרעגט לעווענגוק. דיא שאלה איז: פון וואנעט נעהמען זיך בכלל דיזע אלע בעשעפעניסען? וויא דער לעזער האט שוין געזעהען, פאלען מאנכע ברואים׳לאך אריין אין וואסער פון דער לופט, וואו זיי פערפיהרען זיך באלד אויף א גאנצען לעבען. לעווענגוק איז טאקי געקומען צו דעם שלוס, דאס „אליין פון „זיך זיינען זיי ניט געווארען, וויא עס עקזיסטירט „בכלל ניט קיין פפלאנצונג, קיין לעבעדיגע „בריאה, וועלכע זאל בעשאפען ווערען פון זיך „אליין אדער וועלכע זאל ענטשטעהען פון דיא „קעימען (זריעות), וועלכע זיינען אריינגעפאלען „אין וואסער פון דער לופט. דיא חיה׳לאך ענט„וויקלען און מעהרען זיך בעזאנדערס שטארק „און גוט אין וואסערען, וואו עס געפינען זיך „פפלאנצונגען, ווייל דארט האבען זיי א סך „מעהר נאהרונגס־מיטעל“.

מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק האבען מיר שוין געהערט אזא מיינונג פון דעם גריכישען פילאזאף אנאקסאגאר, דאס אין דער לופט געפינען זיך „דיא זריעות פון אלעם לעבעדיגע“ און, ווען דיזע זריעות פאלען אין וואסער, ענטוויקלען זיך פון זיי דיא פפלאנצונגען.

אבער צו האט טאקי לעווענגוק דערוויזען, דאס דיא חיה׳לאך נעהמען זיך פון דער לופט?

איך מוז זאגען דעם אמת, דאס אויף דיזע פראגע האט נאך דיא וויסענשאפט ביז היינט ניט געגעבען קיין בעשטימטען ענטפער.

איך גלויב, דאס חאטש איך האב נאר קורץ אנגעדייט דעם לעזער, וואס עס טהוט זיך אין א טראפען וואסער, וועט ער דאך זיך קענען פארשטעלען, דאס מיר האבען טאקי דא געהאט צו טהאן מיט „א גאנצער וועלט אין א טראפען וואסער“.

דר. י״א.

# דער טייכעל.

עם גליווערט דער טייכעל אין פראסטיגען אבענד
וואס איז דורכען טאג אין דער זונן זיך צוגאנגען;
נאר פריהרענדיג ראנגעלט זיך מוטהיג דער טייכעל
און וויל אלץ ניט לאזען פון פרעסטעל זיך פאנגען.

פון מעריב־זייט ווארפט שוין דיא זונן איהרע לעצטע
פערטרויערט׳ בליקען מיט מאכטלאזער טרייהייט,
איהר ווילט זיך כאטש זעהען דעם מוטהיגען טייכעל.
וויא וועט ער דאס פאלען אין קאמפף פאר זיין פרייהייט...

* * * *

דער טייך איז געפרוירען, און ס׳פליהען דיא גליטשער
מיט יובלענדע קולות, מיט פרייען געלעכטער.
ווער טראכט פון׳עם טייכעל אין אייז־קאלטער תפיסה?
פון קעמפער וואס ליגט ביי דעם פראסט א פארקנעכטער?...

ה. רויזענבלאט.

# גאַסען שטויב.

(ערצעהלונג פון אוידא, איבערזעצט פון א. אָרטמאַן).

זייער מוטער איז געשטאָרבען. זיא האָט געלעבט א יאָהר 30. זיא איז געשטאָרבען פאר דער צייט, וויא דאָס איז דער פאל מיט טויזענדע איהרער גלייכען; זיא איז געשטאָרבען פון צו פיעל פראצע, צרות, פון הונגער און נויטה. דיא נויטה איז געוועזן אזוי גרויס, אז זעהר אָפט האָט זיא זיך געמוזט ערנעהרען מיט גראָז און מיט בלעטלאך פון דיא בוימער.

זיא איז געשטאָרבען. דער מת, ברוין און אויסגעטריקענט וויא א מומיע, איז געלעגען אויף א בעטעל מיט שטרוי, פול מיט פאראזיטען.

צוויי מיידעלעך, וועלכע האָבען צוגעזעהען וויא זייער מוטער איז געשטאָרבען, האָבען אזוי פיעל געיאָמערט און געקלאָגט ביז זיי זיינען געבליבען אָהנע כוחות. זיי זיינען יעצט פון דאָסניי צוגעגאנגען צום מת, אָנגעהויבען צו גלעטען און קוסען דעם טוידטען קערפער און צודריקען זייערע קעפעלך צו איהם, און געקוקט מיט צושראָקענע אויגען.

— זיא איז מין הסתם געשטאָרבען, האָט געזאָגט דיא עלטערע און זיי האָבען ווידער אָנגעהויבען צו קלאָגען און וויינען. זיי האָבען געוויינט און געכליפעט לאנג, לאנג, און עס איז ניט געוועזן קיינער ווער עס זאָל זיי בערוהיגען, דען זיי זיינען געוועזן דיא איינציגע לעבעדיגע נפשות אין דעם פוסטען, פון אלעמען פערלאָזענעם אָרט.

דיא פרוי האָט זיך דאָרט בעזעצט מיט א יאָהר דרייסיג צוריק. זיא איז געוועזן דיא וויב, אָדער בעסער געזאָגט דיא געליעבטע פון א פאכטוך, וועלכער האָט מיטגעהאָלפען אויסצורגעפינען אין ענטלאָפענעם בעוואוסטען באנדיט. דערפאר האָבען איהם דעם באנדיט'ס חברה מכבד געוועזן מיט א לאנגען מעסער אין זייט, וואָס האָט איהם שטום געמאכט אויף אייביג.

פערבלייבען אין דעם אָרט פון דיזער טראגעדיע איז פיר דיא פרוי מיט דיא קינדער ניט נאָר געוועזן אונמעגליך, זאָנדערן אפילו געפעהרליך. זיא האָט ביי־נאכט צוזאמענגעבונדען אלע איהרע שמאטעס אין א פעקיל, גענומען איהר ניי־געבאָרענעם קינד אויף'ן האנד, דיא צוויי אנדערע עופה'לעך ביי דער זייט און זיך געלאָזען אין וועג אריין. וואוהין? וואו דיא אויגען וועלען איהר טראָגען! מיט שרעקליכע וואונדען אין הארצען האָט זיא זיך געשלעפט ביז זיא פלעגט פאלען פון מידיגקייט. נאָר זיא פלעגט זיך א ביסעל אויסרוהען און זיך שלעפען ווייטער. ענדליך האָט זיא זיך בעזעצט מיט איהרע צוויי מיידלאך אין א פוסטע, פערלאָזענע חורבה. דאָס ניי־געבאָרענע קינד איז אויסגעגאנגען אונטערוועגס פון הונגער. אין דיא חורבה האָט זיא פערבראכט גאנצע דריי יאָהר, ערנעהרענדיג זיך פון דיא עטליכע סענטים, וועלכע זיא פלעגט קריגען פיר דיא בלומען, וואָס זיא פלעגט זאמלען אויף דיא פעלדער און פערקויפען אין רוים, א מייל דריי פון איהר רעזידענץ.

איהר אָרימען פערידענסט פלעגט דיא אונגליקליכע פרוי אויסגעבען צו ערנעהרען איהרע קינדער, זאָ דאָס זיי האָבען ניט בעזאָנדערס געליטען. דיא איינציגע, ווער עס האָט יא געליטען, איז געוועזן זיא. פון א שעהנע, געזונדע פרוי האָט זיא זיך פערוואנדעלט אין א סקעלעט מיט רעוומאטיזם אין דיא גליעדער און מיט שווינדזוכט אין ברוסט. זיא האָט זיך אזוי געמאטערט ביז דער טוידט האָט איהר בעפרייט פון דיא צרות, איבערלאָזענדיג איהרע צוויי קליינע מיידעלעך אויף גאָט'ס בעראָטה.

דיא עלטסטע, פריסקא, איז אלט געוועזן צוועלף יאָהר; דיא צווייטע, פעטראָנילא, צעהן יאָהר. ווען זיי וואָלטען געוועזן א ביסעל בעסער אָנגעטהאָן און ריין אָפגעוואשען, וואָלטען זיי געוועזן בילד־שעהנע קינדער. וויינענדיג זיינען

זיי אָפּגעשטאַנען לעבען דעם טוידטען קערפּער א טאָג און א נאכט. אויף׳ן צווייטען טאָג האָט די עלטערע געזאָגט: מיר האָבען ניט וואָס צו עסען.

אלעם וואָס עס איז געווען אין שטוב, האָבען זיי שוין פערצעהרט. פּעטראָנילא האָט נאָר א כליפּע געטהאָן.

— עס איז שלעכט, ווען מען האָט ניט וואָס צו עסען, האָט פּריסקאָ געזאָגט.

— יא, שלעכט, האָט פּעטראָנילא ווידערהאָלט, זיצענדיג אויף דער ערד.

— מען מוז געהן קלייבען בלומען, האָט פּריסקא ערקלעהרט.

זיא האָט אָבער ניט געקענט אָפּרייסען איהרע אויגען פון טויטען קערפּער. וויא לאָזט מען איהם אליין אין דיא חורבה? עסען האָט זיך אָבער שטארק געוואָלט.

— מען מוז געהן, האָט פּריסקאָ ענדליך אויסגערופען.

זיא האָט גענומען א מעסער מיט א קערבעל, געגעבען דאָס זעלבע צו איהר שוועסטעריל, און ווארפענדיג א טרויעריגען בליק אויף דעם מת, זיינען זיי ארויס פון דער חורבה.

— לאָמיר זיך אונטעראיילען, ווען ניט, וועלען נאָך דיא בלומען פערוועלקט ווערען פון דער זון.

עס איז געווען א קאלטער פריהמאָרגען. דיא שטראהלען האָבען ווייניג געוואַרעמט. דיא גראָז איז נאָך געווען פייכט, בעדעקט מיט טהוי. פון ווייטען האָט זיך געהערט דער אָפּקלאַנג פון א קירכען־גלאָק.

דיא קינדער האָבען גוט געקענט אלע ערטער, וואו דיא בלומען זיינען געוואקסען. זיי האָבען זיך ענערגיש גענומען צו דער ארבייט און אין א קורצע צייט האָבען זיי שוין געהאט א סך אָפּגעריסענע בלומען. זיי האָבען געמאכט קליינע בוקעטלעך, ארומגעבונדען מיט טרוקענע גרעזלאך, און האָבען זיך א לאָז געטהאָן נאָך רוים.

— עס איז זעהר ווייט, האָט פּריסקאָ אָנגעהויבען.

— עס איז זעהר ווייט, האָט איבערגעחזר׳ט פּעטראָנילא.

דיא ליפּען האָבען ביי איהר געציטערט און טרערען האָבען זיך געגאָסען איבער איהרע דארע בעקלעך; זיא איז געווען דיא אינגסטע און דיא מיטער און דיא שוועסטער האָבען אלע מאָל געזוכט צוערשט איהר אָנקאָרמענען, אפילו ווען זיי אליין איז אויסגעקומען צו הונגערן.

— עס איז ווייט צו געהן, האָט פּריסקאָ צו זיך אליין גערעדט — עס העלפט אָבער ניט.

דאָס הויפּט האָט איהר געקלעמט דאָס הארץ, וויא לאָזט מען אליין דיא מאמען, זיא קען זיך דאָך נעבעך אליין איצט ניט וועהרען, טאָמער וועט אין הייזקע קומען א פוקס, אָדער גאָר א וואָלף, וועלען זיי דאָך חלילה איהר אויפעסען....

דער הונגער האָט איהר אָבער געקוועלט און געיאָגט. זיא האָט אָנגענומען איהר שוועסטעריל פאר׳ן האנד און זיי האָבען אָנגעפאנגען צו שפּרייזען נאָך רוים איבער דיא נאסע, פייכטע גראָז. זייערע פיסלאך זיינען בלויז געוואָרען פון קעלט. זיי זיינען אָבער פון קינדהייט אָן געווען ניט פערצויגען און זיינען געוויינט געוואָרען צו היטץ און קעלט. זיי זיינען פערבייגעגאנגען לעבען א פּאסטוך. זעהענדיג אזעלכע קליינע און אָרימע קינדער אליין, האָט ער זיי צוגערופען, געגעבען זיי ברויט מיט מילך און געלאָזט זיי זיך אָנוואָרעמען אין דעם פעלד־פייער.

— איהר טראָגט דיא בלומען נאָך רוים? האָט ער געפרעגט. — איהר קענט נאָך אריינפאלען, קינדערלאך. פריהער האָט מען געמעגט אלעם פערקויפען און איצט, ווען מיינער א אינגעל האָט געבראכט צו פערקויפען א פּאָר הערנער, האָט מען איהם ארעסטירט, וויל מען מוז האָבען אן ערלויבנים פון דער פּאָליציי. פּאסט אויף, קינדערלאך, איהר זאָלט אויך ניט אריינפאלען.

פּריסקאָ האָט איהם ניט פערשטאנען.

— דיא מאמע האָט אימער פערקויפט בלומען, האָט זיא געענטפערט.

— וואו איז דען איצט אייער מאמע?

— זיא איז געשטאָרבען אין שטיבעל, האָט פּריסקאָ געענטפערט.

— אונגליקליכע! האָט דער פּאסטוך אויסגערופען.

דיא קינדער האָבען זיך מעהר ניט פערגונען זיך צו וואַרעמען ביים פייער; זיי האָבען זיך געלאָזען מיט פרישע קרעפטען אין וועג אריין. אין אייניגע שטונדען ארום האָבען זיי דערגרייכט דיא וועלטשטאָדט. דיא וועכטער, זייענדיג בעשעפטיגט מיט דיא הענדלער, האָבען גאָר ניט בעמערקט וויא דיא קינדער האָבען זיך דורכגע׳גנב׳עט הורך׳ן טויער. זיי זיינען זעהר

זעלטען געגאַנגען מיט דער מוטער אין רוים, דאָרום איז זיי דאָרט אַלעס געווען פרעמד — דער גערויש פון דיא קאַרעטען, אויטאָמאָבילען און קאַרס, דיא געשרייען פון דיא צייטונגס־פערקויפער, דער געלאַף פון מענגעס, דער גאַנצער גערודער — דאָס האָט זיי צומישט און צוטומעלט. אינסטינקטיוו האָבען זיי זיך געשלעפּט צום צענטער פון שטאָדט. דער הימעל איז בעדעקט געווען מיט שווארצע וואָלקען. מיט א שעה צוריק האָט עס גערעגענט און דיא גאַסען זיינען נאָך געווען בלאָטיג.

אָפּגעריסען, שמוציג, מיט קורצע קליידער, וועלכע האָבען קוים געגרייכט ביז דיא קניע, מיט לאַנגע צופּודעלטע האָר, מיט דיא באָרוועסע פיס, האָבען זיי זיך געשלעפּט איבער דיא נאַסע פּלאַכטער פון דער אַלטער וועלט־שטאָדט, וועלכע האָט געזעהען אזוי פיעל טריאומפען פון צעזאַרס.

פּעטראָנילא האָט שטאַרק חשק געהאַט זיך אָפּצושטעלען ביי יעדען מאַגאַזין און צו בעוואונדערן דיא שעהנע זאַכען, וועלכע זיא האָט צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען געזעהען. זיא איז געווען אזוי פעראינטערעסירט מיט זיי, אז זיא האָט אפילו פערגעסען וועגען הונגער און מידיגקייט. זיא האָט געהאַלטען אין איין שרייען: אָה, וויא שעהן, וויא שעהן!

פּריסקאָ האָט מיט כעס איהר געשלעפּט און זיך געבייזערט, אז אזוי וועלען זיי היינט צוריק אין דער היים ניט קומען, און לאָזען אלליין נעכטיגען דיא מאַמען איז איהר געווען שרעקליכער פּאַר אללעס.

דערווייל האָבען זיי נאָך גאָר נישט פּערקויפט; זיי האָבען אפילו קיינעם ניט אָנגעבאָטען דיא בלומען, זיי האָבען פּשוט מורא געהאַט דאָס צו טהאָן.

וואָס וועט דאָ זיין? האָט זיך פּריסקאָ געטראַכט. ווען איך וועל גאָר נישט פערקויפען, וועל איך דאָך ניט האָבען קיין געלד, און אָהן געלד האָב איך דאָך ניט מיט וואָס ברויט צו קויפען, קומט דאָך אויס, אז מיר וועלען מוזען שטאַרבען פון הונגער.

זיא האָט א כאַפּ געטהאָן דיא שוועסטעריל פאַר׳ן האַנד און איז ענערגיש צוגעגאַנגען צו א בלומען־מאַגאַזין.

— וועט איהר ניט קויפען בלומען? האָט זיא א פרעג געטהאָן עפּענענדיג דיא טהיר.

א קלערק האָט איהר א שטויס געגעבען, אז זיא איז ארויסגעפאַלען אויף׳ן גאַס.

— וואו קריכט איהר צו אלדע שווארץ יאָהר מיט אייערע פערוועלקטע גראָז? האָט ער אויסגעשריען. זיי מאַכען נאָר אָן שמוץ, דיא בעטלערס.

פריסקאָ האָט מיט שרעק א קוק געטהאָן אויף איהרע בלומען. יאָ, זיי זיינען טאַקי פערוועלקט געוואָרען. ־ען דעם גאַנצען וועג זיינען זיי געווען אונטער דער זון. ווען פריסקאָ האָט עס בעמערקט, איז זיא אזוי פערצווייפעלט געוואָרען, אויף איהר געזיכט האָט זיך אויסגעדריקט אזוי פיעל טרויער, אז א שעהן־געקליידעטע דאַמע, וועלכע איז ארויסגעטראָטען פון א קאַרעטע און האָט איהר בעמערקט, האָט איהר דערלאַנגט א פראַנק. דיא קינדער זיינען אזוי איבערראַשט געוואָרען מיט דער אונערוואַרטעטער מטבעה, אז זיי האָבען כמעט געטאַנצט פון שמחה.

— איהר בעטעלט? האָט זיך דערהערט א גראָבער קול און א שווערע האַנד האָט זיך אראָפּגעלאָזען אויף פריסקאָ׳ס שולטער און מיט דיא אנדערע האָט ער ארויסגעריסען דעם פראַנק. דאָס זיינען געווען דיא הענד פון צוויי פּאָליסלייט.

— איך האָב איהר ניט געבעטען, דיא דאַמע האָט מיר אליין געגעבען, האָט פריסקאָ אויסגעשריען, מעכאַניש צודריקענדיג צו זיך איהר קליינע שוועסטעריל. פון שרעק איז דיא קערביל ארויסגעפאַלען פון איהרע הענד און דיא בלומען האָבען זיך צוזייט איבער דער גאַס.

— איהר האָט ניט קיין ערלויבנים! האָט דער פּאָליסמאַן אויסגעשריען.

דיא קינדער האָבען איהם ווילד אָנגעקוקט.

— פיהר זיי אוועק אין פּאָליציי, האָט דער־עלטערער געזאָגט — פערדאָרבענע שרצים! איך האָב זיי נאָך נעכטען געזעהען, וויא זיי האָבען בעלעסטיגט פאַרבייגעהער.

— אונזער מאַמע איז נעכטען געשטאָרבען! האָט וויא ניט מיט איהר קול אויסגעשריען פריסקאָ. מיר זיינען געווען מיט איהר. גיט מיר דאָס געלד און מיר וועלען געהן.

נאָר דער פּאָליסמאַן האָט אפילו ניט געהערט, וואָס זיא האָט איהם געזאָגט. ער האָט זיי צונויפגעבונדען דיא הענד און געשטויסען צו דער נעכסטער פּאָליציי־סטאַציאָן.

—מאַמע! מאַמע! האָבען מיט א ביטערען קול געיאָמערט דיא אונגליקליכע יתומים׳לאך.

אַן אַלטער מאַן איז צוגעגאַנגען און געפרעגט, וואָס די קינדער האָבען געטהאָן.

— זיי האָבען געבעטעלט און דערגעסען די פּאַראיבערגעהנדע, האָט קורץ און בייז געענטפערט דער פּאָליסמאַן.

— זיי זיינען דאָך אַזעלכע קליינינקע און אונגליקליכע, האָט דער אַלטער בעמערקט.

—קימערט זיך ניט, האָט דער שיצער פון דער געזעלשאַפט גראָב געענטפערט, אַ שטופּ טהוענדיג די קינדער. מען מוז די גאַסען רייניגען פון די פערשאָלטענע נפשות, פון בעטלערס. אַזוי האָט מען אונז געהייסען.

פריסקאַ און פּעטראָנילאַ האָבען זיך ציטערנדיג געשלעפּט נאָך'ן פּאָליסמאַן, מורא האָבענדיג אפילו צו וויינען, אום ער זאָל זיי ניט שלאָגען. וואוהין מען האָט זיי געשלעפּט, האָבען זיי אַזוי פיעל געוואוסט, וויא די קעלבעל, וועלכע מען פיהרט צו דער שחיטה.

עס האָט אָנגעהויבען צו רעגענען. די אַלטע טראַנטעס, וועלכע האָבען קנאַפּ בעדעקט זייערע אויסגעמאַטערטע קערפּערלאַך, זיינען דורכגעווייקט געוואָרען און האָבען זיך אָנגעקלעפּט אָן לייב. דער פּאָליסמאַן, וועלכער איז אַליין אויך נאַס געוואָרען, וואָס עס האָט איהם נאַטירליך שטאַרק געערגערט, האָט אָהן ערבאַרמונג געשטויסען די הונגעריגע, אויסגעמאַטערטע קינדער זיי זאָלען שנעלער געהן. אין דער פּאָליצייסטאַציאָן האָט מען זיי אריינגעשטופּט אין די אַלגעמיינע קאַמער, אין וועלכער עס האָבען זיך געפונען בראָדיאַגעס, פּראָסטיטוטקעס, גנבים, פערשיעדענע אנדערע פערברעכער. די אונגליקליכע קינדער האָבען געציטערט מיט אַלע אברים. וויינען האָבען זיי דאָך מורא געהאַט. קיינער האָט אויף זיי ניט געקוקט. זיי זיינען געבליבען זיצען אויפ'ן שטיינערנעם דיל, ארומגערינגעלט פון אונבעקאַנטע אבשטויסענדע געזיכטער. פּעטראַנילאַ האָט זיך צוגעקוועטשט צו איהר שוועסטער און ביידע זיינען וויא פערשטיינערט געוואָרען, אַנגסט האָבענדיג אפילו אַ וואָרט אויסצוריידען.

קיינער האָט זיי אין ווינקעל, וואו זיי זיינען געזעסען, ניט געריהרט. קיינער איז אָבער אויך ניט געקומען זיי צו הילפע. צייטענווייז זיינען די וועכטער אריין, ארויסגעלאָזען איין ארעסטאַנט און די טהיר ווידער צוגעשלאָסען. אַזוי איז פערגאַנגען דער גאַנצער טאָג. עס איז געוואָרען נאַכט. קיין ליכט האָט מען אין דער קאַמערע ניט אָנגעצונדען, בלויז אַ שוואַכער שיין פון אַ קעראָסין לעמפּעל האָט זיך דורכגעשלאָגען דורך די קליינע פענסטעריל, וועלכע עס איז געמאַכט געוואָרען אין טיר, כדי די וועכטער זאָלען קענען אריינקוקען וואָס עס טהוט זיך אינעווייניג. אויסער די קינדער זיינען דאָ נאָך געבליבען איין אַלטע פרוי, וועלכע מען האָט ארעטירט פאַר'ן בעטלען, אַ יונגער אינגעל, פאַר'ן פּעדלען אָהן ערלויבנים, און אַ קעשענע גנב. די פרוי האָט שטילערהייט עפּעס געבורבעלט, דער אינגעל האָט ביטערליך געקלאָגט און געשאָלטען די עלטערן, וועלכע האָבען איהם געהייסען געהן פּעדלען, דער קעשענע־גנב איז זיך רוהיג געשלאָפען, ער איז שוין הפנים געוויינט געווען צו אַזאַ נאַכטלעגער.

דער אינגעל האָט אויפגעוועקט דעם קעשענע־גנב און האָט דערפאַר געקראָגען פון איהם אַ גוטע פּאָרציע זידלעריי.

— וואָס טהוט זיך דאָ? מיר וועלען דאָ אָפּזיצען די גאַנצע נאַכט? האָט דער אינגעל געפרעגט.

— געוויס! האָט איהם דער גנב געענטפערט.

— אָהן עסען?

דער גנב האָט איהם ניט געענטפערט און האָט זיך בייז אומגעקעהרט אויף דער אנדער זייט.

דערהערענדיג דעם וואָרט „עסען“, האָט זיך פריסקאַ אָנגעהויבען צוצוהערען. נאָר ווען זיא האָט ניט געהערט אַן ענטפער, האָט זיא פערשטאַנען, אַז עס איז גאָר קיין האָפנונג ניטאָ עפּעס וואָס צו קריגען.

— מאַ, טהייערע מאַמע! האָט זיא אויף'ן קול אָנגעהויבען צו וויינען. זיא האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז די מוטער זאָל ניט קענען הערען איהר געיאָמער.

דער אינגעל, מיד ווערענדיג פון וויינען, איז איינגעשלאָפען. דער גנב האָט געכראָפּעט. די אַלטע פרוי איז אויך איינגעשלאָפען; נאָר די אונגליקליכע קינדער האָבען אַן אויג ניט געקענט צומאַכען. עס האָט זיי געוואָרפען פון קעלט און היטץ, בעגלייטעט פון שרעקליכע קאָפּשמערצען. זיי זיינען געווען ערנסט קראַנק. עס האָבען זיך אָנגעהויבען גאַלוציניאַציאָנען. פון וועלכע זיי פלעגען אויפ'ן קול אויסשרייען. די געשרייען האָבען אויפגעוועקט דעם גנב. ער האָט ארונטערגעצויגען אַ שטיוועל און איהם אַ וואָרף גע־

טהאָן; דער שטיוועל האָט געטראָפען פּריסקאַ׳ן אין קאָפּ.

— איך וועל אייך ממית׳ן, אויב איהר וועט ניט פערשטומט ווערען, האָט דער גנב א גע־שריי געטהאָן.

וויא עס האָט איהר ניט וועה געטהאָן, האָט פּריסקאַ זיך צוריקגעהאַלטען פון וויינען. זיא האָט נאָר פעסט צוגעדריקט איהר שוועסטעריל צו זיך און מיט דיא צערטליכקייט פון א מוטער האָט זיא איהר בערוהיגט. אזוי איז פערגאנגען דיא גאנצע נאכט.

ווען עס איז ליכטיג געוואָרען, האָט מען איינציגווייז ארויסגעפיהרט אַלעמען אויסער דיא קינדער.

— מען האָט וועגען אונז גאָר פערגעסען, האָט פּריסקאַ זיך געטראכט, נאָר דאָס וואָלט איהר שוין ניט געארט, ווען מען זאָל איהר און איהר שוועסטעריל געבען וואָס צו עסען.

פּעטראָנילאַ האָט ניט אויפגעהערט צו ריידען פון היטץ.

„מאמא, מאמא, וואו איז ברויט?“ זיא איז געוויינט געווען, אז זיא פלעגט זיך אויפכאַפּען, פלעגט דיא מוטער איהר דערלאנגען א שטיקעל ברויט. עס איז שוין געווען שפּעט, ווען מען איז נאָך זיי געקומען.

— שטעהט אויף, איהר ווערים! האָט דער דינער אויסגעשריען א בריק טהוענדיג פּריסקאַ׳ן אין זייט.

פּריסקאַ האָט פּרובירט זיך אויפהויבען, זיא איז אָבער געוועזן וויא געלעהמט.

פּעטראָלינא האָט ניט אויפגעהערט צוריי־דען פון היטץ: „מאמע, גיב מיר ברויט“.

דער דינער האָט זיי גראָב אויפגעהויבען.

— מארש! זאָג איך אייך, אָדער איהר וועט שלעכט אָפּשניידען, האָט ער געדונערט.

וויא א קאַליקע האָט זיך פּריסקאַ געשלעפּט אונטערהאַלטענדיג איהר שוועסטעריל.

מען האָט זיי געבראכט פאר׳ן קאָמיסאר. מיט בעדויערן האָט ער א קוק געטהאָן אויף דיא עיפּה׳לאך, וועלכע מען האָט דאָ בעשולדיגט, אז זיי זיינען אַלטע פערביסענע בעטלער און אז דיא פּאָליציי האָט שוין לאנג אויף זיי איהר אויג.

— וואו וואָהנט איהר? האָט דער קאָמיסאר ווייך געפרעגט.

— אין א הייזעל, האָט פּריסקאַ קוים אויס־גערעדט.

—וואו איז אייער מוטער?

— אין הייזעל.

— וואו איז אייער הייזעל?

פּריסקאַ האָט ניט געענטפערט. זיא האָט פּשוט ניט געוואוסט.

— וויא הייסט איהר און וויא אַלט זייט איהר?

פּריסקאַ האָט ווידער געשוויגען.

— געפינט דיא מוטער, האָט דער קאָמיסאר געזאָגט צום דינער. זיא פערדיענט א גרעסערע שטראָף, וויא זיי.

— וואו איז דיין מוטער? האָט א פּאָליסמאַן א טרייבעל געטהאָן פּריסקאַ׳ן.

— זיא איז געשטאָרבען, האָט פּריסקאַ גע־ענטפערט.

— היינט וויא אזוי איז זיא אין הייזעל?

— אין הייזעל, האָט זיא נאָך א מאָל גע־זאָגט.

— וואו איז דיא הייזעל?

פּריסקאַ האָט א מאַך געטהאָן מיט דער האנד, וואָס האָט געדאַרפט בעדייטען, אז עס איז גאנץ ווייט.

— זיי זיינען דאָך אידיאָטקעס, אָדער זיי מאַכען זיך פאר אידיאָטקעס. שיקט זיי ארויס פון שטאָדט. זיי קומען מן הסתם פון א דאָרף הינטער דער שטאָדט, האָט דער קאָמיסאר גע־זאָגט.

— געהט, האָט ער זיי געזאָגט, מען לאָזט אייך דעם מאָל פריי, ווען מען וועט אייך אָבער נאָך איין מאָל זעהען, וועט איהר ניט גוט אָפּ־שניידען. לאָזט זיי ארויס, האָט דער קאָמיסאר מיט אונגעדולט אויסגעשריען. דער אנבליק פון דיא אונגליקליכע קינדער האָט אויך אויף איהם געמאכט א שרעקליכען איינדרוק.

א וועכטער האָט זיי צוגעפיהרט צום טויער פון דער וועלט־שטאָדט, האָט זיי א שטויס גע־טהאָן און געזאָגט: „ארויס פון שטאָדט, שרצים, אייער דוך זאָל דאָ ניט געדאכט ווערען!“

פּריסקאַ האָט פערשטאנען, אז זיי זיינען פריי. פּעטראָנילאַ האָט גאָרנישט פערשטאנען וואָס דאָ טהוט זיך; זיא האָט נאָר געוואוסט, אז זיא איז אין גאנצען וויא צובראָכען און אז דער הונגער פּייניגט איהר. עס איז שוין געווען באלד צוויי טעג וויא זיי האָבען ניט געגעסען.

פּריסקאַ האָט ניט געוואוסט, וואו זיי זיינען און אין וועלכע ריכטונג זיי דאַרפען געהן. זיא האָט זיך אליין קיים געהאַלטען אויף דיא פיס,

דערצו האָט זיא נאָך געמוזט כמעט טראָגען איהר שוועסטעריל.

ציטערנדיג אפילו א קוק צו טהאָן אויף אימיצען, מען זאָל זיי ווידער ניט ארעסטירען, זיינען זיי געגאנגען גלאַט אין דער וועלט אריין. ענדליך האָט זיא זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט איין אלטען מאן, וועלכער האָט פערקויפט קאשטאַן־נים:

— דער טויער, וואו איז דער טויער?

— וועלכער טויער?

— דער טויער, האָט זיא נאָך א מאָל געזאָגט.

— לינקס איז פּאָרטאָ דעל פּאָפּאָלאָ, דארפט איהר דעם אָבער דעם טויער סאלארא?

— ניין, האָט פריסקאָ געענטפערט. אונזערער איז פּאָרטאָ פּיא.

— אָה, דען מיזט איהר גאָר געהן אין א גאנץ אנדער זייט, האָט דער אלטער גוטמוטהיג זיי געענטפערט. ער האָט גענומען א הויפען קאשטאַננים: „נאַט, דאָס גיב איך אייך אומזיסט, נעהמט, עס איז אומזיסט."

זיא האָט אָבער מורא געהאט צו נעהמען, כדי מען זאָל איהר ווידער ניט ארעסטירען. זיי האָבען זיך אָנגעהויבען צו שלעפּען אין דער זייט, וואו דער אלטער האָט זיי געוויזען. עס איז אָבער ניט געוועזן אזוי לייכט פאר זיי, פּרעמדע עופה'לעך, עס אויסצוגעפינען. זיי האָבען זיך גע־דרעהט אהין און אהער. זעהר אָפט זיינען זיי צוריקגעקומען צו דעם זעלבען פּלאץ, וועלכען זיי האָבען נאָר וואָס פערלאָזען. ענדליך זיינען זיי ארויס אויף א פּוסטע גאס, וועלכע איז פערלאָזען געוועזן פון אללע איינוואָהנער, ווייל מען האָט געדארפט דאָ אלע הייזער ארונטעררייסען. דיא הייזער זיינען געוועזן פערהאקט, אפילו דיא קירכע איז געוועזן פערשלאָסען.

פריסקאָ האָט בעמערקט דיא ברייטע טרעפּ, וועלכע האָבען געפיהרט צו דער קירכע, גראדע אין דער צייט, ווען פּעטראָנילא איז געפאלען אן אויסגעמאטערטע און אויסגעהונגערטע. אלליין האָט זיא אויך געפיהלט, אז דיא לעצטע כוחות פערלאָזען איהר. זיא האָט צוזאמענגעזאמעלט איהרע לעצטע קרעפטע און צוגעשלעפּט איהר שוועסטעריל צו דער קירכע, וואו זיי זיינען א ביסעל געשיצט געוועזן פון ווינד.

קיין לעבעדיגער נפש האָט זיך ניט געוויזען. א שרעקליכער שלאָף, אָדער ריכטיגער א מין ליימונג, איז בעפאלען פריסקאָ. זיא האָט געמיינט, אז איהר שוועסטער שלאָפט. איהר קערפּעל איז געוואָרען שווערער און שווערער. זיא איז געוועזן וויא אין א היטץ־קרענק. עס האָט זיך איהר געדוכט, אז זיא זעהט, וויא איהר מוטער און דיא מאדאָנא געהען געארעמט ארום ייער הייזעל און ערגערן זיך אויף איהר: „דוא האָסט געלאָזט שטארבען דיין שוועסטערילו!"

דאָס קינד האָט א געשריי געטהאָן און גע־פּרופט אויפהויבען פּעטראנילא'ס קעפּעל. זיא האָט עס ניט געקענט. עס איז געוועזן שווער וויא א באלקען.

זיא האָט ביסלעכווייז אויפגעהערט צו ריידען פון היטץ און זאָגאר צו פיהלען; איהרע ברעמען האָבען זיך צוגעמאכט, דער אָטהעם איז געוואָרען שוואכער, דער גאנצער קערפּער האָט קאָנוואולסיוו געציטערט וויא ביי א האלב פערפראָרענע פויגעלע. איהר לעצטע בעוועגונג איז געוועזן, וואָס זיא האָט אראָפּגעשלעפּט איהר שוועסטעריל'ס האָר פון איהר האלז.

* * *

דעם נעכסטען פריה־מאָרגען האָבען גאסענקעהרער זיי געפונען טויט. מען האָט זיי געבראכט אין מאָרג, און אזוי וויא קיינער האָט זיך ניט געמעלדעט צו וועמען זיי געהערען, האָט מען זיי בעגראָבען אויף דעם בית עולם פאר אָרימע, הייאמאטהסלאָזע און אללע שטיף־קינדער פון דער ריינטיגער געזעלשאפט.

וואָס זיינען זיי געוועזן, ווען ניט א גאסענשטויב, וואָס דער ווינד טראָגט א וויילע ארויף און צוזייהט נאכהער ווידער אין וועלט־רוים?....

# ווערטה=טהעאָריען.

2. דיא פּראָדוקציאָנס־טהעאָריע.

דיא אנהענגער פון דיזער טהעאָריע מוזען איינגעטהיילט ווערען אויף צוויי טהיילען. איין טהייל האלט, דאָס וואארע איז ווערט אזוי פיעל, וויפיעל קאפּיטאל דער פּראָדוצענט האָט געמוזט אויסגעבען אום דיא וואארע צו פּראָדוצירען; דער אנדערער טהייל האלט, דאָס א וואארע איז ווערטה אזוי פיעל וויפיעל קאפּיטאל עס איז אויסגעגעבען געוואָרען אויף איהר פּראָדוקציאָן און דאָס וואָס דער פּראָדוצענט דארף *פערדינען* ביים פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס. דיזער פערדינסט דארף געמאָסטען ווערען נאָך דעם דורכשניטליכען פערדינסט פון פּראָדוצענטען און סוחרים, אָדער דאָס, וואָס מען רופט: דיא דורכשניטליכע פּראָפּיטראטע.

ביידע פאסונגען פון דיזער טהעאָריע צוזאמען, און יעדע פון זיי בעזונדער, האָבען אזעלכע חסרונות וואָס קיינער פון דיא אנהענגער פון דיזער טהעאָריע האָט נאָך ביז יעצט ניט געקענט אָבשאפען, און דיזע טהעאָריע הינקט דארום אויף ביידע פיס. מיר וועלען פריהער בעטראכטען דיא צוויי פאסונגען בעזונדער.

דיא ערשטע פאססונג פון דיזער טהעאָריע ערקלערט, דאָס א וואארע איז ווערט אזוי פיעל, וויפיעל קאפּיטאל עס ווערט אויסגעגעבען, אום זיא צו פּראָדוצירען. טאָ פרעגט זיך: פון וואנען נעהמט זיך דער פּראָפּיט פון׳ם פּראָדוצירענדען קאפּיטאליסט? וויא באלד, אז א וואארע איז ווערטה בלויז דאָס, וואָס מען האָט אין איהר אריינגעלייגט, קען דאָך דער קאפּיטאליסט ניט האָבען קיין פּראָפּיט פון דער פּראָדוקציאָן, ווייל ער קריגט דאָך נאָך דער פּראָדוקציאָן צוריק בלויז דעם קאפּיטאל וואָס ער האָט אריינגעלייגט. אזוי וויא אָבער מיר ווייסען, דאָס דער קאפּיטאליסט קריגט ארויס א פּראָפּיט פון דער פּראָדוקציאָן, מוז דאָך הפּנים דיא פּראָדוצירטע וואארע ווערט זיין *מעהר* פון דעם, וואָס עס קאָסט זיא צו פּראָדוצירען, דער קאפּיטאליסט מוז נאָך׳ן פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס האָבען מעהר ווערטה אלס ער האָט געהאט פאר׳ן פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס. דיא פּראָדוקציאָנס־טהעאָריע, אין איהר ערשטער פאססונג דאָס וואארען זיינען ווערטה בלויז דאָס וואָס עס קאָסט זיי צו פּראָדוצירען, מוז אלזאָ זיין פאלש. דיזע בעטראכטונגען האָבען עס געבראכט דעם אַנדערען טהייל פון דיא אנהענגער פון דער פּראָדוקציאָנס־קאָסטען־טהעאָריע צו ערקלערען, דאָס דיזע טהעאָריע מיינט ניט, אז א וואארע איז ווערטה בלויז דאָס וואָס עס קאָסט אין אמת׳ן זיא צו פּראָדוצירען, דאָס הייסט: דאָס וואָס מען לעגט אריין אין׳ם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, זאָנדערן, דאָס אונטער פּראָדוקציאָנס־קאָסטען מוז מען פערשטעהן דאָס וואָס עס קאָסט צו פּראָדוצירען דיא וואארע און אויך דאָס, וואָס דער קאפּיטאליסט דארף אָן איהר פערדינען. אונטער דעם וואָרט פּראָדוקציאָנס־קאָסטען מוז מען אזוי אויך פערשטעהן דעם פּראָפּיט, וועלכען דער קאפּיטאליסט מאכט אָן דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס. אין פלוג קען אפילו קשה ווערען, וויא אזוי קען מען אין פּראָדוקציאָנסקאָסטען אריינרעכענען דעם פּראָפּיט, וועלכער ווערט ניט אריינגעלייגט אין׳ם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס און וועלכער קומט פון דעם, וואָס דער קאפּיטאליסט פערקויפט דיא וואארע *איבער* דיא פּראָדוקציאָנס־קאָסטען? אָבער אזוי ווי עס זיינען פאראן נאָך הארבערע קשיות אויף דיזער ווערטה־טהעאָריע, וועלען מיר זיך אויף אזא קליינינגקייט וויא א ווידערזיניגקייט אינ׳ם נאָמען ניט אָפּשטעלען.

לאָמיר אָננעהמען, דאָס דיזע טהעאָריע איז ריכטיג: דאָס וואארען זיינען ווערט דאָס, וואָס מען האָט אויסגעגעבען אויף זייער פּראָדוקציאָן צוזאמען מיט דעם פּראָפּיט, וואָס דער קאפּיטאליסט מוז פערדינען אין׳ם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס נאָך דעם דורכשניט פון דער פּראָפּיטראטע. טאָ פרעגט זיך: פון וואנען נעהמט זיך אָט דיזער פּראָפּיט? אויב עס איז אמת, אז א וואארע איז ווערט דאָס וואָס עס האָט געקאָסט זיא צו פּראָדוצירען און דערצו נאָך דעם קאפּיטאליסט׳ס פּראָפּיט, טאָ פון וואנען האָט זיך גענומען, אז דיא וואארע איז יעצט ווערטה

מעהר וויא דאָס, וואָס עס האָט געקאָסט זיא צו פּראָדוציר ען? מיר זעהען דאָ א מערקווירדיגע ערשיינונג: איידער דער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס האָט זיך אָנגעפאנגען האָבען מיר געהאט געוויסע ווערטהזאכען. מיר האָבען דיזע ווערטהזאכען דורכגעפיהרט דורך'ן פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, און זיי זיינען יעצט ווערטה מ ע ה ר וויא פריהער, און אזוי פיעל מעהר אויף וויפיעל דעם קאפּיטאליסט'ס פּראָפיט דארף זיין נאָך דער דורכשניטליכער פּראָפיטראטע. פון וואנען אלזאָ, האָט זיך דיזער מ ע ה ר־ו ו ע ר ט ה גענומען? וויא אזוי און ווארום איז דער ווערטה פון דיא זאכען א ו י ס ג ע ו ו א ק ס ע ן? וויא אזוי וואקסט ווערטה? און אויף וויפיעל וואקסט ער? פון וואנען נעהמט זיך פּראָפיט און פון וואָס הענגט אָפּ דיא פּראָפיטראטע? א וויסענשאפטליכע ווערטה־טהעאָריע מוז זיין אים שטאנדע צו ערקלערען דאָס ענטשטעהען און וואקסען, אורזאכע און מאָס פון ווערטה.

דיא צווייטע פאססונג פון דער פּראָדוקציאָנסקאָסטען טהעאָריע, אָבוואָהל פיעל ריכטיגער פון דער ערשטער, איז דאָך ניט וויסענשאפטליך. דיא ערשטע פאסונג פארגעסט גאָר אין גאנצען אָן דעם פּראָפיט. דיא צווייטע רעכענט אריין דעם פּראָפיט. זיא קען אָבער ניט ערקלערען פון וואנען דיזער טהייל נעהמט זיך, וויא אזוי דער אָריגינעלער ווערט פון דיא פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וועלכע געהען אריין אין'ם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס וואקסט אויס אזוי, אז עס זאָל זיין א פּראָפיט, און ווארום דיזער ווערטה וואקסט אויס ביז א געוויסער מאָס און ניט מעהר, דאָס הייסט, ווארום דער דורכשניטס־פּראָפיט איז גערארע אזוי פיעל און ניט מעהר אָדער ווייניגער.

אָבער נאָך ערגער פאר אלעם איז דאָס וואָס ביידע פאסונגען פון דיזער טהעאָריע, פונקט וויא דיא טהעאָריע פון אָנגעבאָט און נאכפראגע, הויבען אייגענטליך גאָר ניט אָן צו ערקלערען! לאָמיר דיזע טהעאָרעטיקער הערען נאָך א מאָל: א וואארע איז ווערטה אזוי פיעל וויא פיעל עס האָט געקאָסט זי פּראָדוצירען (צו מען לייגט צו דעם פּראָפיט צו ניט, מאכט דאָ ניט אויס). מיט אנדערע ווערטער הייסט דאָס, אז א וואארע איז ווערטה אזוי פיעל וויפיעל דיא וואארען, וועלכע זיינען פערברויכט געוואָרען אין'ם פּראָדוצירען פון דיזער וואארע זיינען ווערטה געווען. און וויפעל זיינען יענע וואארען ווערטה געוועזן? נאטירליך, דאָס וואָס די וואארען, וועלכע זיינען פערברויכט געוואָרען אויף זייער פּראָדוקציאָן זיינען ווערטה געוועזן..... און זאָ ווייטער, און זאָ ווייטער. מיר קענען אזוי זוכען צוריק ביז ששת ימי בראשית און מיר וועלען אליץ גאָר ניט אויסגעפינען. דאָס איז דאָס זעלבע וואָס מיט דער ערקלערונג, אז גאָט האָט בעשאפען דיא וועלט, אלס אורזאכע פון דער וועלט'ס עקזיסטענץ. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, דאָס דערמיט וואָס מען פערלעגט דיא פראגע: „וואָס בעשטימט דעם ווערטה פון וואארען?‟ אויפ'ן ווערטה פון דיא פּראָדוקציאָנס־מיטלען, איז דיא פראגע ניט פעראנטוואָרטעט געוואָרען. דיזע פראגע קען בלויז בעאנטוואָרטעט ווערען דורך אן ערקלערונג פון דער אורזאכע און כאראקטער פון ו ו ע ר ט ה אין אלגעמיין. אזא ע ר ק ל ע ר ו נ ג, אן ערקלערונג, וועלכע ערקלערט ווירקליך און פערלעגט ניט דיא פראגע, איז דיא א ר ב יי ט ס־וו ע רט ה־ט ה ע אָ ר יע.

נאָר וועגען דעם אין נעכסטען ארטיקעל.

ל. בודיאנאָוו.




# דיא גייסטיגע וועלט.

## ראַדיום און סודות פון דער נאַטור.

מיר מוזען ווידער ריידען וועגען דעם וואונדערבאַרען יסוד ראַדיום, דען ניט נאָר זיינען אלע געלעהרטע נאָכפּאָרשערס — דיא אָנטרייבערס פון גייסטיגען פּראָגרעס — העכסט פּעראינטערעסירט אין זיינע מעלות, זאָנדערן דיזע מעלות זיינען פּערבונדען מיט דיא טיעפּסטע געהיימניסע פון דער נאַטור, געהיימניסע, וועלכע וועלען ערשט אין דיא צוקינפטיגע דורות קלאָר ווערען.

אום דער לעזער, וועלכער האָט ניט שטודירט פיזיק און כעמיע, זאָל א בעגריף האָבען, וויא וויית מיר קענען אריינדרינגען מיט אונזער גייסטיגע אויג אין דיא פערבאָרגענסטע סודות פון דער נאַטור, וועלען מיר דאָ איבערגעבען דיא מיינונג פון פּראָפעסאָר רעמסעי, וועלכער האָט ענטדעקט אין 1895 דעם גאַז־יסוד העליום אין אונזער לופט און וועלכער איז איבערהויפּט איינער פון דיא גרעסטע פיזיקער אין דער וועלט.

אין איינעם פון דיא פאָריגע ארטיקלען איז שוין בעריכטעט געוועזען, אז דיזער פּראָפעסאָר האָט אונבעשטרייטבאר בעוויזען, דאָס ראַדיום לאָזט פון זיך ארויס, דורך זיין מעלה וואָס ווערט בעצייכענט מיט דעם וואָרט ראַדיאָ־אַקטיוויטעט (שטראַהלען־טהעטיגקייט), א גאַז, וואָס איז דערזעלבער וויא העליום אין דער לופט. ער איז דארום געקומען צום שלוס, אז העליום איז א פּראָדוקט פון ראַדיום, אָדער, ריכטיגער, אז דער מעטאַל ראַדיום ווערט פון זיך זעלבסט אומגעוואַנדעלט אין דעם גאַז העליום.

נאָר וויא אזוי קען עס פּאָרקומען? וויא אזוי און ווארום קען איין יסוד אומגעוואַנדעלט ווערען אין אַן אנדערן? אויף דיזע פראגען, וועלכע ריהרען אָן דעם פונדאַמענט פון דער נאַטור־וויסענשאַפט, ענטפערט דער פּראָפעסאָר אזוי אין דער צייטונג „לאָנדאָן מעיל“:

„מיר קענען זיך דאָ העלפען דורך א פערגלייך. מיר קענען בעקומען זעהר קאָמפּליצירטע פערבינדונגען פון קוילענשטאָף מיט וואַסערשטאָף, אזעלכע וואָס ענטהאלטען 30 אטאָמען קוילענשטאָף מיט 62 אטאָמען וואַסערשטאָף. אָבער אזא בעהעפטונג, וואָס זאָל בעשטיין, לאָמיר זאָגען, פון 200 אטאָמען קוילענשטאָף מיט 402 אטאָמען וואַסערשטאָף, וועט זיכער צופאַלען ווערען אויף קלענערע פערבינדונגען פון אטאָמען. ביי דיזער צוטהיילונג וועט ארויסגעלאָזען ווערען היטץ. מען קען דארום רעכענען, דאָס אזוי וויא דיא צאָהל פון אטאָמען אין אזעלכע פערבינדונגען האָט א גרענעץ (דען דיא מאָלעקולען אָדער גרופּען פון אטאָמען ווערען פאַנאַנדערגעפאַלען דורך זייער אייגענע גע־

וויכט), אזוי קען אויך זיין א גרענעץ צום אטאָמישען געוויכט פון אן עלעמענט.

„אזעלכע עלעמענטען מיט גרויסע אטאָמישע געוויכטען, וויא טהאָריום, אוראניום און ראדיום, ווערן הפנים צופאלען אין עלעמענטען מיט קליינע אטאָמישע געוויכטען. דערביי לאָזען זיי פון זיך ארויס היץ און קריגען אויך דיא זאָנדערבארע מעלה פון ראדאָ־אקטיוויטעט. וואָס פאר עלעמענטען דאָס זיינען, איז אונבעקאנט מיט איין אויסנאהמע. דערווייל ווייסען מיר נאָר, אז איינער פון דיא פראָדוקטען פון דער פארנאנדערלייגונג פון ראדיום איז העליום.

„קען עס זיין פערקעהרט (דאָס הייסט: קען מען, צום ביישפיעל, פון העליום קריגען ראדיום)? קיינער ווייס עס ניט. אָבער אזוי וויא גאָלד איז אן עלעמענט מיט א גרויסען אטאָמישען געוויכט, זאָ מעג מען בעהויפּטען, דאָס אויב עס בייט זיך, איז עס גיכער אָנצונעהמען, אז ער ווערט אומגעוואנדעלט אין זילבער און קופער איידער ער ווערט געבילדעט פון זיי. וויא ווייט מיר האלטען יעצט, איז עס נאָר א שפּילכעל צו פילאָזאָפירען וועגען דעם. עס איז זיכער, אז וויטערע עקספּערימענטען וועלען פיהרען צו א פּאָזיטיווע קענטניס פון דער נאטור פון עלעמענטען און פון דיא ענדערונגען, וועלכע וויינינגסטענס אייניגע פון זיי מאכען דורך".

דיא העכסטע אויפגאבע פון דער וויסענשאפט איז יעצט צו בעשטימען, אויב אלע זאכען אויף דער ערד, דיא יעניגע, וואָס ענטשטעהען דורך בעהעפטונגען פון עלעמענטען אזוי גוט וויא ריינע עלעמענטען זעלבסט, קומען ארויס פון איין אורשפרינגליכען יסוד, פון איין אייביגע מאטעריע, דורך פארשיעדענע צוזאמענבינדונגען און קאָמבינאציאָנען פון איהרע אונענדליך קליינע טהיילכעלעך, וויא מען זאָל זיי ניט רופען: אטאָמען אָדער יאָנען. דיא וואונדערבארע מעלות פון ראדיום און אויך פון עטליכע אנדערע מעטאלען, וויא טהאָריום און אוראניום, צייגען אָן, אז אזוי איז עס, אז דיא טהעאָריע וועגען איין מאטעריע מיט איין קראפט איז א ריכטיגע און וועט מיט דער צייט וויסענשאפטליך בעוויזען ווערן.

מיר מוזען קריגען א גאנץ אנדערן בעגריף וועגען דיא נאטור, ווען מיר נעהמען אין אנבעטראכט בלויז דיא וואונדערבארע מעלה פון ראדיום, דאָס זיין טעמפּעראטור איז אימער העכער וויא דיא געוועהנליכע פון דער לופט און דאָס ער פערלירט דערביי, קען מען זאָגען, גאָר ניט אין געוויכט. דאָס איז אזוי וויא א שטיקעל קאָהל זאָל ברענען אויביג. קענט איהר זיך פאָרשטעלען, דאָס איהר צינדעט אָן, לאָמיר זאָגען, א שוועבעלע און זיא זאָל זיך קיין מאָל ניט פערלעשען, אימער גליהען און ארויסלאָזען היץ און שיין, בלייבען א נר תמיד ניט בלויז 8 טעג נאָך א געטליכען נס, וויא אבערגלויביגע מענשען דערצעהלען וועגען חנוכה, זאָנדערן מאקי אויביג, ניט וויינינגער יעדענפאלס וויא טויזענדער מיליאָנען יאָהרען? א פּיצעלע ראדיום צייגט אייך דיזען „נס" גאָר ניט נאָך דיא נסים אין דעם רעליגיעזען זינען פון דיזען וואָרט. דער בעריהמטער געלעהרטער הענרי בעקערעל האָט אויסגערעכענט, אז עס וועט דויערן טויזענדער מיליאָנען יאָהרען ביז א שטיקעל ראדיום וועט פערצעהרט ווערען דורך דיא היץ און שיין, וואָס ער לאָזט שטענדיג פון זיך ארויס.

דיזע, קען מען זאָגען, אונענדליכע ענערגיע פון ראדיום ערקלעהרען יעצט אייניגע געלעהרטע דערמיט, דאָס דיזער יסוד האָט דיא מעלה אויפצונעהמען אזעלכע שטראהלען פון דער זון, וועלכע מען האָט ביז יעצט אנדערס ניט געקענט זעהען. דיא וואונדערבארע מעלות פון ראדיום זאָלען אלזאָ קומען פון דער זון. דיזע מיינונג שטיצט זיך אויף דעם פאקט, דאָס העליום געפינט זיך זיכער אויף דער זון, וויא עס צייגט דער ספּעקטראָסקאָפּ, מיט וועלכען מען האָט געמאכט פיעלע אנדערע וואונדערבארע ענטדעקונגען און וועלכער גיט אונז דיא מעגליכקייט צו וויסען וועגען דיא צוזאמענשטעלונג פון הימלישע קערפּערס (דער ספּעקטראָסקאָפּ איז ערפונדען געוואָרען פון דיא צוויי גרויסע דייטשע געלעהרטע קירכהאָף און בונזען אין 1858 יאָהר, דאָס איז געווען איינע פון דיא גרעסטע, וויכטיגסטע און וואונדערבארסטע ערפינדונגען פון 19טען יאהרהונדערט). אָבער מען קען אויך אָננעהמען, אז דיא זון ענטהאלט ריזיגע מאסען ראדיום און אנדערע אזעלכע ראדיאָ־אקטיווע עלעמענטען און צוליעב דעם לייכטעט דיא זון און ווארעמט אונזער וועלט. ווער ווייסט וואָס פאר געהיימניסע מען וועט נאָך ארויסרייסען ביי דער נאטור מיט דיא גייסטיגע צוואנגען פון דער וויסענשאפט? יעצט איז פאר אונז נאָר זיכער, אז מיר זיינען אויף א

ווענ צו דער אויפדעקונג פון גרויסע נאטורגע־
היימניסע דורך דיא מעלות פון ראדיום.

## פראַקטישע אַנווענדונגען פון ראַדיום.

לעצטען 13טען יאנואר זיינען איינינע בע־
וואוסטע אמעריקאנער געלעהרטע זיך צוזאמענ־
געקומען אין טעכנאָלאָגישען קלוב פון ניו יאָרק,
אום צו בעשפרעכען וועגען דיא פראקטישע אנ־
ווענדונגען פון ראדיום, ספעציעל אין מעדיצין.

דר. קוניז, וועלכער האָט געבראכט פון פא־
ריז א פיצעלע ראדיום (גרויס וויא דיא קעפעלע
פון א שפילקע) אין א גלעזערנע רעהרע־
לע און האָט איבערגעגעבען דיא רעזולטאטען
פון אלע עקספערימענטען אין אייראָפא, האָט
געציינט, וויא מען קען אונטערשיידען
אמת'ע דימענטען פון פאלשע דורך דעם
ראדיום־שיין. דיא רעהרעלע מיט ראדיום האָט
ער ארומגערינגעלט מיט רעהרען פון קופער,
אייזען, רעזינע און בליי און עס אוועקגעלייגט
צוויי צאָהל וויט פון דעם בעריהמטען „טיפא־
ני־דימענט", וועלכער וועגט מעהר וויא 15 קארא־
טען און וועלכער האָט גלייך אָנגעפאנגען צו
גלאנצען, נאטירליך אין דער פינסטער. דער
שיין איז געווען אזוי וויא פון פאָספאָר. ווען דיא
רעהרען וואָלטען געווען אפילו אָ פוס דיק,
וואָלט דער שיין פון ראדיום דורכגעדרונגען און
בעליכטען דעם דימענט. (פאלשע דימענטען
ווערען ניט בעליכטען.) מיט דער הילפע פון
א געוויסען אינסטרומענט, גענאנט ספינטהא־
רעסקאָפ, האָט א פיצעלע ראדיום געמאכט פיי־
ער־ווערק.

דר. מאָרטאָן האָט ערקלערט, וויא מען קען
בענוצען ראדיום צו קורירען געוויסע קראנקהיי־
טען, בעזאָנדערס קאנסער (ראק), און האָט אויס־
גערעכענט עטליכע פעלע פון אויסקורירונג. דאָן
האָט ער געציינט א פליסיגקייט, וועלכע ער האָט
ערפונדען און אָנגערופען „פליסיגע זונענשיין".
ער דענקט, אז דיזע פליסיגקייט וועט אויפטאָן
וואונדער אין דער מעדיצין.

„איך גלויב", האָט ער געזאָגט, „אז דיא
הייל־קראפט פון פיעלע וואסער־קוואלען ליגט
אין דער ווירקליכקייט נאָר אין ראדיום. דיא
מעלה פון ראדיום איבער דיא רענטגען־שטראה־
לען איז אין דעם, דאָס מען קען איהם אָנווענ־
דען דירעקט צו דעם קראנקען אָרט. צום ביי־
שפיעל, מען קען אריינלייגען א רעהרעלע מיט
ראדיום אין האלז און אין פיעלע טהיילען פון
גוף. דאָס הייסט, אז מען קען אזוי צוקומען צום
ריכטיגען פלאץ פון קראנקהייטען. נאָך מיין
מיינונג, איז גאָר קיין גרענעץ ניטאָ צו דיא
אויסהיילונגען דורך ראדיאָ־אקטיוויטעט. מיט
פליסיגקייטען, וועלכע מען מאכט ראדיאָ־אק־
טיוו, דארף מען זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווען מען
גיט זיי צו קראנקע. מיט דער הילפע פון מיין
„פליסיגע זונענשיין" וועט מעגליך זיין אויך צו
באָדען קראנקע אין וויאָלעט־שטראהלען. מיר
ווייסען, וויא דיא זונען־שטראהלען ווירקען אויף
הויט־קראנקהייטען, און מיר רעכענען, אז דיא
זעלבע גוטע רעזולטאטען וועט מען בעקומען אין
קערפער דורך טרינקען ראדיאָ־אקטיווע פליסיג־
קייטען".

## דיא וואַנדערונגען פון פויגעלעך.

עקספערטען פון וואשינגטאָנער אקערבוי־
דעפארטמענט האָבען געמאכט זעהר אינטערע־
סאנטע בעאָבאכטונגען וועגען די יעהרליכע וואנ־
דערונגען פון פויגלעך. דיא אלגעמיינע מיינונג
איז, אז דיזע וואנדערונגען קומען דורך דיא
ענדערונגען פון קלימאט, ווייל פויגלעך קענען
ניט פערטראָגען דיא ווינטער־קעלטען. עס צייגט
זיך אָבער ארויס נאָך גענויע בעטראכטונגען, אז
דיא פויגלעך יאָגען זיך גאָר ניט אזוי נאָך וואַ־
רעמקייט וויא איינפאך נאָך שפייז.

דיא וואנדערנדע פויגלעך שפייזען זיך גע־
וועהנליך מיט דיא קערנדלעך פון געוויסע שלעכ־
טע גראָזען, אונקרויטען. וויא נאָר דיזע גראָזען
ווערען צייטיג, און דאָס איז אין הערבסט, לאָ־
זען זיי זיך אראָפ ברעסען אזוי פיעל, וויא פיעל
זיי קענען נאָר אריינשפארען אין זייערע מאָ־
גענס. דיזע גראָזען, וועלכע זיינען זעהר שעד־
ליך פאר אגריקולטור, ווייל זיי וואקסען שנעל
און פערמעהרען זיך אונגעהייער, זיינען דיא
געליעבטעסטע שפייז פון דיא מייסטע וואנ־
דערנדע פויגלעך. איינינע סאָרטען פון דיזע
אונקרויטען גיבען צו 100 טויזענד קערנדלעך יע־
דען זומער. ווען ניט דיא פויגלעך, וואָלט מען
פון זיי פערפלייצט געוואָרען, און דיא תבואות
וואָלטען גאָר ניט געקענט וואקסען. אָבער דיא
זינג־פויגלעך מאכען זיך גרויסארטיגע סעודות
פון דיזע קערנדלעך און דערמיט ברייננען זיי
דעם גרעסטען נוצען דיא אקערבויער.

זייער געיעג אויף דיא זריעות פון דיא אונ־
קרויטען פאנגען דיא פויגלעך אָן יעדען אגוסט
אין דיא נאָרד־געגענדען און וואנדערן אלץ וויי־

טער צום זידען נאָך דיזע שפּייז. ווען עס טרעפט, אז דיא אונקרויטען ווערען ניט צייטיג פריה, דאַן פערבלייבען דיא פויגלעך שפּעט אין הערבסט, און מענשען וואונדערן זיך, וואָרום זיי וואנדערן ניט אויס. פאַרקעהרט, ווען דיא אונקרויטען ווערען פריהער וויא געוועהנליך צייטיג, דאַן הויבט זיך אויך אָן דיא וואנדערונג פריהער.

אין דיא ערטער, וואו זיי קריגען מעהר קערנדלעך, פערבלייבען זיי לענגער אויפ'ן וועג. דאָרט, וואו זיי זיינען געזיכערט מיט שפּייז דעם גאַנצען יאָהר, פערבלייבען זיי אויך אויף ווינטער. איבער זאמדיגע און אונפּרוכטבארע געגענדען פליהען זיי זעהר שנעל; אָבער איבער פעלדער מיט אונקרויטען פערווייל'ען זיי אזוי לאנג, ביז דער זאַפּאַס פון קערנדלעך געהט אויס.

זייער וואנדערונג אין פריהלינג צוריק צו זייער היים אין דיא נאָרד־געגענדען מאַכען זיי פיעל שנעלער וויא אין הערבסט, ווייל זיי געפינען ווייניגער שפּייז אויפ'ן וועג און היילען זיך צו בויען זייערע נעסטען. דיא וואנדערונגען אין הערבסט איז דיא בעסטע און לוסטיגסטע צייט פון דיא פויגלעך. דאָס איז זייער יום טוב, דען זיי האָבען מעהר שפּייז וויא זיי קענען אויפעסען, און פרעסערס זיינען זיי אזעלכע גרויסע, וויא איבערהויפּט אלע פליהענדע בעשעפעניכען.

מען קען אלזאָ זאָגען, אז דיא פויגלעך־וואנדערונגען, וועלכע זיינען בעזונגען געוואָרן פון פּאָעטען און האָבען שטענדיג געוואונדערט דיא מענשען, זיינען איינפאַך עקאָנאָמישע. דאָס איז זעהר וויכטיג פיר דעם אקערבוי, דען ווען מען זאָל פערזאָרגען אזעלכע פויגלעך מיט שפּייז אין ווינטער, וועלען זיי גאָר ניט אויסוואנדערן און וועלען פריהער זיין אויף זייער ניצליכען געניג נאָך דיא קערנדלעך פון דיא אונקרויטען.

דיזע בעאָבאַכטונגען פון דיא עקספּערטען צייגען, וויא ניצליך עס איז גרינדליך נאָכצופאָרשען דיא נאַטור און דיא פיהרונגען פון יעדען סאָרט חיה.



פישען אין דער טיפענעס פון ים.

דיא אילוסטראציאָן, וואָס מיר ברענגען דאָ, שטעלט פאָר איינעם פון דיא גרעסטע פישען, וועלכע זיינען ביז איצט געפאנגען געוואָרן. און וועלכער טראָגט אין ענגליש דעם נאָמען „סאָן־פיש". ער איז צעהן פוס לאנג, צעהן פוס הויך און וועגט אכטצעהן הונדער פונט. ער געהערט צו איינעם פון דיא מערקווירדיגסטע סאָרטען פיש, וועלכע שווימען טיף אין ים און וועלכע מען האָט ערשט אין דער לעצטער צייט גענומען נאָכפאָרשען. אין דיא טיפסטע ערטער פון ים געפינען זיך שרעקליך־אויסזעהענדע ברואים, ריזיגע שלאַנגען־פיש; נאָר עס איז זעהר שווער זיי צו פאַנגען דאָרטען. זעלטען־ווען זיי שווימען ארויף פון זייערע ערטער, וואו עס הערשט אייביגע פינסטערניס און וואו דער דרוק פון וואסער איז אויך זעהר גרויס.

עס איז שווער צו געפינען אזא ריזיגע בעשעפענים, וויא דער זון־פיש אויף דער פאָטאָגראפיע, וואָס זאָל אויסזעהען כמעט גאָר אָהן פאָרמען. זיין מויל איז מערקווירדיג קליין אין פערגלייך מיט זיין קערפּער, אָבער ער איז דערפאַר בעוואפנט מיט שטאַרקע און שאַרפע ציינער, ווייס וויא פאָרצעלליי. זיי שפּייזען זיך הפנים מיט געוויסע ווייכע סאָרטען ים חיות. אין זייערע מאַגענס האָט מען קיינע שפּורען פון הארטע שפּייז ניט געפונען. מען ווייס נאָך ניט וויא אזא משונה'דיגע בעשעפענעס לעבט.

אלע סאָרטען „סאָן־פיש" ברענגען נאָך קיין נוצען ניט דעם מענשען. עס איז אָבער מעגליך, אז מען וועט זיך קענען בענוצען מיט זייער הארטע הויט.

ווינטמילען פיר עלעקטרישע פאבריקען.

שוין איבער צוויי יאָהר, וויא לעבען לייפציג ווערן צוויי קליינע פאבריקען געטריבען פון ווינטמילען, וועלכע ווערן אויך בענוצט צו בעקומען דיא עלעקטרישע קראפט. דיזע ווינטמילען זיינען נאטירליך גרויסע און קונציג־געבויטע. זיי ווערן אויפגעשטעלט אויף דיא דעכער פון דיא פאבריקען און ברענגען אין בעוועגונג עלעקטרישע מאשינען, וועלכע טהוען אויף דיא בעשטימטע ארבייט. דיא ווינדמילען זיינען אזוי געמאכט, אז זיי דרעהען זיך שטענדיג נאָך דעם ווינד. אויף דיזער וייזע שפּאנט מען איין לייכט און מיט קליינע קאָסטען דיא ווינטען צו שאפען עלעקטריציטעט און אויפטאָן מעכאנישע ארבייט.

פ. קראנץ.

# נאַציאנאל אדער נאציאנאליסטיש?

(אן ענטפער אויף גענאָססע פייגענבוים'ס ארטיקעל אין צוקונפט העפט נאָוו.)

פון ק. פרומין.




עס איז דאָ איין אלטער, ניט קיין שלעכטער מיטעל, וויא בייצוקומען דעם זאָ גענאנטען „געגנער“ אויף דעם שלאכטפעלד פון פּאָלעמיק — דאָס איז אָנצובינדען איהם אזוינע געדאנקען, וועלכע געפינען זיך ניט אין זיינע ווערטער.

עס איז אָבער דאָ נאָך א סך א בעסערער גאָר א נייער פּאָלעמישער מיטעל (פון וועלכען איך האָב ביז איצט גאָר ניט געוואוסט), דאָס איז אָנצובינדען דעם „געגנער“ ניט נור ניט זיינע געדאנקען, נור אויך ניט זיינע ווערטער; און כדי דאָס זאָל ארויסקומען נאָך בולט'ער און שרעקליכער שליעסט מען איין דיא דאָזיגע ווערטער אין קאוויצקעס (דער צייכען: „—“), כדי צו בעווייזען, אז טאקי פונקט ווי איהר זעהט וואָרט אין וואָרט אָט אזוי ווי דער פּאָלעמיסט וויל, האָט געשריעבען דער געגנער אליין.....

אָט דעם דאָזיגען נייען „פּאָלעמישען מיטעל“ האָט גענאָסע פייגענבוים געברויכט געגען מיר אין זיין ארטיקעל „נאציאָנאליזמוס אָדער סאָציאליזמוס“ (צוקונפט“, נאָוועמבער העפט).“

נור איידער איך וועל ברענגען גענאָססע פייגענבוים'ס „ציטאטעס“ פון מיין ארטיקעל „דער בונד און זיינע געגנער,“ וויל איך ריכטיג ערקלערען, וואָס איז אזוינס „נאציאָנאליזמוס“ און „נאציאָנאליסטיש,“ דער צענטער ארום וועלכען גענ. פייגענבוים'ס פּאָלעמיק דרעהט זיך. נאָך שפּינאָזא האָט א מאָל בעמערקט, אז אָפט מאָל שטרייטען זיך צוויי „געגנער“ נור דערפאר וויל זיי פערשטעהען פערשידען דיא בעגריפע איבער וועלכע דער שטרייט פיהרט זיך, צום גליק אָבער, האָט גענאָסע פייגענבוים אין זיין ארטיקעל געגעבען אזא קלאָרען און דייטליכען פירוש אויף דיא בעגריפע: „נאציאָנאליזמוס“ און „נאציאָנאליסטיש“, אז שטרייטען זיך מיט איהם איבער דיא אינקלאָרהייט פון זייער זין איז איין אונמעגליכע זאך. עס איז גאָר קיין שטרייט ניטאָ.

„נאציאָנאליזמוס“—שרייבט גענ. פייגענבוים—איז דער גלויבען, אז דיא נאציאָנאלע געמיינשאפטען און געגענזעצע זיינען טיעפער, מעכטיגער, דוירענדער, איבערוועגענדער וויא די קלאסען־געמיינשאפטען אין געגענזעצע (זייטע 19). נאציאָנאליסטיש — שרייבט גענ. פייגענבוים אין נאָך א שטעלע — איז דער, וואָס מאָלט דעם נאציאָנאלען אנטאגאָניזמוס פיר אן איינגעבאָרענע נאטור און שרייט, אז ער קען אפילו דורך דעם סאָלידארישען אינטערנאציאָנאלען קלאסען־קאמפף און דורך דעם זיעג פון

סאָציאַליזמוס אויך ניט אויסגעראָטעט ווערען“ (זייטע 18).

און איצט צו געג. פייגענבוים׳ס „ציטאַטען.“

גענאָסע פרומין — שרייבט ער — בעמיהט זיך צו בעווייזען, אז אין דעם זין פון קולטורעלע נאציאָנאלע פראגען איז דער אידישער ארבייטער בונד „נאציאָנאליסטיש“ און אז דאָס ליגט אין דיא „איממאנענטע נאטור“ פון דיא מאסענבעוועגונג פון אידישען פּראָלעטאריאט.“ (זייטע 16), אין נאָך א שטעלע שרייבט גענאָסע פייגענבוים אז גענאָסע פרומין האָט אויפגעציינט ווי ער גלויבט, דיא „נאטירליכע ענטוויקלונג פון נ א צ י אָ נ א ל י ז מ ו ס אין דעם בונד ביז זיין פּיערטען צוזאמענפאָהר“ (אויך דאָרט).

דיא ווערטער: „נאציאָנאליסטיש“, „איממאנענטע געזעצען“ אין „נאטירליכע ענטוויקלונג פון נ א צ י אָ נ א ל י ז מ ו ס“ שליעסט געג. פייגענבוים אין קאוויצקעס, אזוי, ווי ער וואָלט זיי ארויסגענומען א ו ת ב א ו ת פון מיין ארטיקעל. ער טהוט דעריבער, אלס א רעדאקטאָר פון א סאָציאליסטישער צייט־שריפט זעהר גוט, וואָס ער איז מזהיר זיינע לעזער. ערשטענס, אז דער „בונד“ איז ניט נאציאָנאליסטיש ד. ה. אז דער „בונד“ איז איבערצייגט (ווי אלע סאָציאליסטען אין דער גאנצער וועלט—ק. פּ.) אז דער נאציאָנאלהאס וועט דורך דעם קאמפף פון פּראָלעטאריאט געוויס פערשווינדען“ און צווייטענס אז „אלע גענאָסען זאָלען זיך נעהמען אין זינען אריין“ זיין, פייגענבוים׳ס ערקלערונג (מיט וועלכער איך, אפּיקורס, בין דורכאויס איינפערשטאנדען — ק. פּ.) און „ניט בערופען זיך אויף גענאָסע פרומין׳ס ארטיקעל(?) און זאָגען, אז דער סאָציאליסטישער בונד איז דאָך אליין „אויך נאציאָנאליסטיש“ (זייטע 18). אָבער גענאָסע פייגענבוים! צו קענט איהר זיך ניט „בעמיהען צו בעווייזען“ — אָבער טאקי ב ע ו ו י י ז ע ן שווארץ אויף ווייס וואו אין מיינע ארטיקלען געפינען זיך דיא ווערטער „נאציאָנאליסטיש“, „נאציאָנאליזמוס“ אין בעצוג אויפ׳ן בונד? און נאכהער, צו קענט איהר זיך ניט „בעמיהען צו בעווייזען,“ וואו אין מיינע ארטיקלען בעהויפּטע איך, אז דער בונד גלויבט אין דער אייביגקייט פון נאציאָנאלהאס? (און דאמאלסט וואָלט איהר רעכט געהאט צו שרייבען, אז איך „בעמיה זיך צו בעווייזען אז דער בונד איז נאציאָנאליסטיש“ — הגם אויך ד א מ א ל ס ט ניט אין קאוויצקעס.) איך גלויב אָבער, אז אייער מיה וועט זיין אומזיסט. איהר וועט אין מיינע ארטיקלען ניט דיא ו ו ע ר ט ע ר אויך ניט דיא ג ע ד א נ ק ע ן געפינען, וועלכע איהר „בעמיהט זיך צו בעווייזען“, אז זיי געפינען זיך אין מיין ארטיקעל. איך האָב זיך „בעמיהט צו בעווייזען“ נור דאָס, אז דער „נאציאָנאלער כאראקטער“, דיא „נאציאָנאלע פאָרם“ און דער „נאציאָנאלער פּונקט“ פון בונד האָבען זיך „נאטירליך ענטוויקעלט“ לויט דיא „איממאנענטע געזעצען“ פון דער יודישער מאסענבעוועגונג, פון „נאציאָנאלען“ כאראקטער ביז „נאציאָנאליסטישען“ איז אָבער זעהר א גרויסער אונטערשיעד, געג. פייגענבוים! „נאציאָנאליסטיש“ זיין, הייסט גלויבען אין דער אייביגקייט פון נאציאָנאלהאס, ווי איהר אליין האָט קלאָר און דייטליך מפרש געווען. „נאציאָנאליסטיש“ זיין, הייסט ווייטער איינשמועסען זיך אז איין נאציאָן איז די בעסטע, איין „אתה־בחרתנו־נאציאָן“ און דיא אנדערע זיינען שלעכטערע, ערגערע, ווי אלע נאציאָנאליסטישע שאָוויניסטען בעהויפּטען. און דעריבער זיינען דיא בעגריפפע „נאציאָנאליסטיש“ און „אינטערנאציאָנאל“ טאקי צוויי הפכים, וואָרים א נאציאָנאליסט אין דעם אויבענדערמאָנטען זין — קען בשום אופן ניט זיין אינטערנאציאָנאל.

נאציאָנאל זיין — הייסט אָבער צו האָבען אין זיך דעם נאציאָנאלען זעלבסט־בעוואוסטזיין, ד. ה. אנצוערקענען, אז איך פּלוני בן פּלוני געהער צו מיין נאציאָן, און אז מיין נאציאָן איז ניט ערגער און ניט בעסער (און א מאָל אויך, אין דעם אָדער יענעם פּרט, זאָגאר ערגער אָדער בעסער) ווי אלע אנדערע נאציאָנען, און האָט דאָס זעלבע רעכט אויף איהר עקזיסטענץ (קיום) ווי אלע אנדערע נאציאָנען. „נאציאָנאל“ און „אינטערנאציאָנאל“ זיינען ניט קיין צוויי היפּוכים, נור צוויי בעגריפפע וואָס ערגענצען, וואָס זענען ממלא איינער דעם אנדערען, ווי ווילהעלם ליעבקנעכט האָט זיך אין איינער פון זיינע גלענצענדע רעדען אויסגעשפּראָכען. און דעריבער האָט טאקי גענאָסע דאויד מיט רעכט געזאָגט אויף איינעם פון דיא פאָריגע פּארטיי־טאגען אין דייטשלאנד: „מיר, סאָציאלדעמאָקראטען, זיינען נאציאָנאל און אינטערנאציאָנאל“. און אויף דיזעם שטאנדפּונקט שטעהען אלע אָדער ריכטיגער, כמעט אלע אינטערנאציאָנאלע סאָציאליסטען פון אלע לענדער און נאציאָנען. „נאציאָנאל“ איז נור א היפּוך פון „אנטי־נאציאָ־

נאל"*), פון דיא יעניגע, וואָס לייקענען אָב זייערע אייגענע נאציאָן, בעת זיין אנערקענען אלע אנדערע נאציאָנען, ווי דיא יודען פון פּ. פּ. ס. און פון איסקרא, און מיט דיעזע „אנטי־נאציאָנאלער" ריכטונג צווישען דיא יודישע סאָציאליסטען קעמפּפט אויך דער בונד אליין זעהר ענערגיש, ניט אָבער מיט דער נאציאָנאלער — „נאציאָנאלער," גענ. פייגענבוים, אָבער מיט „נאציאָנאליסטישער" — און דעריבער שעמט זיך ניט און שרעקט זיך ניט דער בונד אָנצורופען דעם כאראקטער פון דער יודישער ארבייטער בעוועגונג מיט דעם נאָמען „נאצינאלען כאראקטער" און דעם פונקט וועגען אויטאָנאָמיע, „נאציאָנאלען פונקט," אלע דיא שרעקליכע ווערטער, וועלכע עס געפינען זיך באמת אין מיין ארטיקעל און וועלכע איך האָב געגוי ציטירט פון דער בונדישער ליטעראטור.

אגב, וועגען דעם „נאציאָנאלען פונקט" אין דעם פּראָגראם פון „בונד". אויך דיא, דאכט זיך, לכל הדעות כשר'ע ווערטער. דערוועקען ביי גענ. פייגענבוים א חשד געגען מיר. „גענ. ק. פרומין— שרייבט ער — האָט דערווײלע ביז אהער אין זיינע ארטיקלען זיך אלץ נור בעמיהט צו בעווייזען, ווי דאָס וואָס ע ר (פרומין) רופט דעם „נאציאָנאלען פונקט פון דעם בונד" איז ניט ארויסגעשפּרונגען פון העלער הויט" (זייטע 16). ווי עס ווייזט אויס, געפינט גענאָסע פייגענבוים א פּרינציפּיעלען אונטערשיעד צווישען דעם וואָס ער (פרומין) רופט אָן נאציאָנאלער פונקט פון „בונד" און צווישען דעם, וואָס דער בונד אליין אָדער ער (גענ. פייגענבוים) רופט „נאציאָנאלער פונקט פון בונד." עס וואָלט געווען זעהר אינטערעסאנט צו הערען וואָס איז פאָרט דער אונטערשיעד צווישען דעם?

מיט דעם נאָמען „נאציאָנאלען פונקט אין פּראָגראם פון בונד" רוף איך אָן דיא רעזאָלוציאָנען פון דעם בונדיישען פיערטען צוזאמענפאָהר אין וועלכע עס איז אויסגעדריקט, אז יודען זיינען א נאציאָן (ניט ווי דיא אנטי־נאציאָנאלע יודען פון פּ. פּ. ס. און איסקרא בעהויפּטען, אז יודען זיינען קיין נאציאָן) און אז אין צוקונפט וועט רוסלאנד מוזען זיין איין פעדעראציאָן פון אויטאָנאָמע נאציאָנען (ווידער ניט) ווי די צענטראליסטען פון איסקרא און דיא טערריטאָריאליסטען פון פּ. פּ. ס. בעהויפּטען). דיא זעלביגע רעזאָלוציאָנען רופט אָבער דער בונד אליין מיט דעם נאָמען „נאציאָנאלער פונקט אין אונזער פּראָגראם". זעה בראָשורע „דער 4טער צוזאמענפאָהר" און אויך יודישער ארבייטער) און ביים בונד האָב איך עס דיעזען אויסדרוק גענומען.

ווי איהר זעהט האָט זיך גענאָסע פייגענבוים אויך אין דעם פּרט „בעמיהט צו בעווייזען" דאָס וואָס אין מיין ארטיקעל געפינט זיך ניט.

וואָלט גענ. פייגענבוים אָבגעווארט נאָך א חודש צוויי ביז מיין ארטיקעל וואָלט זיך ענדיגען וואָלט ער זיך און אלע לעזער פון דער „צוקונפט" פארשפּאָרט צו שרייבען און צו לעזען אומזיסטע פּאָלעמישע ארטיקלען. יודען זיינען אָבער פון לאנג אָן בעקאנט פאר איין „עמא פזיזא" א היילענדיגעם פאָלק, און גענ. פייגענבוים איז אין דעם פּרט א ביסעל צו נאציאָנאל.... (אָבער ניט נאציאָנאליסטיש, חלילה).

*) וועגען דעם אונטערשיעד פון „נאַציאָנאַל" און „נאַציאָנאַליסטיש" זעה באריכות בראָשורע „וואָס הייסט נאַציאָנאַל?" פּראָפ. לאַצאַרוס, היסטאָרישע בריעף פון פּ. לאַווראָוו בריעף 11, דובנאָוו, בריעף וועגען דעם אַלטען און נייעם יודענטהום, בראָשורען: „אויטאָנאָמיע אָדער פעדעראַציאָן" „צו דיא יודישע יוגענד" אויסגאַבע פון בונד.

# קלאַססען קאַמפּף



## דיא נייע וועלט און דער אַלטער.

אַמעריקאַ.

אין אן „אָפּענעם בריף צו גאָמפּערס׳ן", וואָס איז געדרוקט געוואָרען אין לעצטען נומער „וואָרקער" — א בריעף, אויף וועלכען מיר מאכען אויפמערקזאם אונזערע לעזער — זאָגט גענ. היין, דער רעדאקטאָר פון „לייבאָר", פאָלגענדעס: „דער קלאססענקאמפף איז ניט קיין חלום. ער איז א מלחמה, א מלחמה פאר דיא בעפרייאונג פון דער ארבייט, א מלחמה אויף׳ן עקאָנאָמישען און פּאָליטישען שלאכטפעלד." דאס איז געוויס אמת. דיא גאנצע ריידענים וועגען דעם, אז דיא יוניאָנס דארפען זיך ניט פערנעהמען מיט פּאָליטיק, דיא אלע פּראָבעס, וואָס ווערען פון צייט צו צייט געמאכט שלום צו שליסען צווישען „קאַפּיטאל און ארבייט"; דיא גרויסע פאנטאזיען, אז מען קען בשלום, אָהן קאמפף און שטרייט, העלפען דעם ארבייטער־קלאס און פארבעסערן זיין לאגע — דאס אלץ זיינען ניט נור פוסטע חלומות, וואָס האָבען קיין שום ממשות ניט; דאס אלץ זיינען נאָך שלעכטע און לעבערליכע חלומות, וואָס קענען דעם ארבייטער־קלאס נאָר שאדען. ווען אין אמעריקא דארף מען דאריבער נאָך קנעלען מיט׳ן פּרעזידענט פון אמעריקאן פעדערריישאָן אָוו לייבאָר, דאן איז ניט נור טרויעריג און א חרפה פאר איהם, דאן איז נאָך טרויעריגער און מעהר חרפה פאר דיא אמעריקאנער ארבייטער־מאסען.

גענ. היינס ווערטער זיינען געוויס ריכטיג. זיי דריקען אָבער נאָך ניט אויס דעם גאנצען אמת. דער איינציגער אמת איז, אז דער קאמפף פאר דיא פולע בעפרייאונג פון דער ארבייטער־קלאס, דער קאמפף פאר דיא נייע סאָציאליסטישע וועלט מוז געפיהרט ווערן און ווערט געפיהרט אויף פערשיעדענע שלאכטפעלדער. אויסער דעם פּאָליטישען און עקאָנאָמישען קאמפף, פון וועלכע ער רעדט, מוז נאָך געפיהרט ווערען א גייסטיגער קאמפף, דער קאמפף פאר אויפקלעהרונג. עס מוז אויך געפיהרט ווערן א קאמפף פון קאָנסומענטען, וואָס דריקט זיך אויס אין דער קאָאָפּעראטיווער און קאָנסום בעוועגונג.

צום אומגליק זיינען ביי אונז נאָך כמעט אלע זייטען פון דער סאָציאליסטישער פּראָלעטארישער בעפרייאונגס־בעוועגונג זעהר שוואך. דער עקאָנאָמישער קאמפף איז ביי אונז פיללייכט שארפער, שווערער וויא ערגעץ אנדערשוואו. ער פיהרט זיך אָבער נאָך ניט גענוג פעסט, ניט גענוג אָרגאניזירט. און דיא עקאָנאָמישע אָרגאניזאציאָן אליין, דיא יוניאָן בעוועגונג, שטעקט נאָך גייסטיג טיעף, טיעף אין קאַפּיטאליסטישען זומפּ.

פאר דעם לעצטען מאָנאט איז דער עקאָנאָמישער קלאססענקאמפף געוואָרן פיעל שווערער.

אין שטאָל־טרייד זיינען דיא לוינען פערקלע־ נערט געוואָרען. אויף דיא רייל־ראודס האָבען טויזענדער ארבייטער געקראָגען דיא סעק. עס ווערט סלעק אין פערשיעדענע טריידס אין פער־ שיעדענע ערטער, און דער ארבייטער־קלאס לאָזט אָדער מוז זיך עס לאָזען געפעלען. און דאָך רעדט גראדע אין אזא צייט גאָמפערס פריעד־ ליכע רייד אויף א „פריינדליכען“ דינער צוזא־ מען מיט'ן קאפיטאליסטישען פיהרער, דעם רע־ פובליקאנישען באָס. סענאטאָר האננא.....

אויב דיא ארבייטער וואָלטען דאָך גע־ וואָלט זיך לאָזען פארנארען און איינריידען, אז דער עקאָנאָמישער קאמפף האָט גאָר ניט צו טאָן מיט'ן פּאָליטישען, דאן וואָלטען די גרוילטהאַ־ טען און שרייענדע אונגערעכטיגקייטען אין קאָלאָראדאָ געקענט עפענען ביי דיא פארבלענ־ דעטסטע „ריינע יוניאָניסטען“ דיא אויגען. אין פערלויף פון וואָכען האָט דער גאָווערנאָר און דיא אנדערע „נאַטשאלסטווע“ דאָרט געטראָטען מיט דיא פיס דיא הייליגסטע רעכטע און פריי־ הייטען פון דיא ארבייטערמאסען. זיי האָבען זיך געפיהרט, וויא אמת'ע קאפיטאליסטישע דע־ ספּאָטען. זיי האָבען ניט נור בענוצט, זאָנדערן אויך שענדליך מיסברויכט זייער פּאָליטישע געוואלד געגען דעם עקאָנאָמישען קאמפף פון דיא דאָרטיגע ארבייטער. דאריבער איז ניט פריה געווען אָנצופאנגען דעם פּאָליטישען קאמפף, ניט ווארטענדיג אויף דיא נאַציאָנאל־ קאָנווענשען וואָס וועט זיין דעם 1טען מאי, ניט ווארטענדיג אויף דיא אָפיצעלע קאמפיין־צייט.

---

## דייטשלאַנד.

פון דיא דייטשע גענאָסען איז מען געוויינט צ. הערען שטענדיג וועגען זייער פּאָליטישען קאמפף. ניט אומזיסט איז דיא דייטשע סאָציא־ דעמאָקראטיע דיא גרעסטע פארטיי אין דער וועלט; ניט אומזיסט האָט זיא איצט 88 דע־ פוטאטען אין פּארלאמענט. אָבער אזא קאמפף, וויא עס איז פאָרגעקומען פאר אייניגע צייט אין דייטשען פּארלאמענט, טרעפט אויף דאָרטען ניט אָפט.

עס איז געווען א גרויסער, גלענצענדער דועל, א צוויי־קאמפף, אָבער ניט אויף רעוואָל־ ווערען אָדער שפּיזען, נור אויף ארגומענטען און געדאנקען. דער דועל האָט זיך געפיהרט צווישען בעבעל, דעם גרויסען סאָציאליסטישען אגיטאַ־ טאָר, און פאָן ביולאָו, דעם ערשטען מיניסטער און רייכסקאנצלער פון דער דייטשער אימ־ פעריע.

זיי האָבען געקעמפפט ניט מיט דיא זעלבע געוועהר. ביולאָו האָט געמיינט, אז דורך פראַ־ סטע, פלאכע וויצען, דורך דעם, וואָס מען פער־ מסר'ט דיא סאָציאליסטען פאר דער וועלט, וואָס מען מאכט גראָבע בעשולדיגונגען, בעליי־ דיגונגען און רכילות, קען מען בעקעמפפען, שאַ־ דען ברענגען דער סאָציאל־דעמאָקראטיע. ער האָט פארגעסען, אז „דיא סאָציאלדעמאָקראטיע קען מען ניט טויטריידען, ניט טויטלאכען, ניט טויט־פער'מסר'ן“.. דיא טענות, וואָס ער האָט פאָרגעבראכט געגען דיא סאָציאלדעמאָקראטען, געגען סאָציאליזמוס און געגען דיא צוקינפטיגע סאָציאליסטישע געזעלשאפט, זיינען שוין ניט איין מאָל פאָרגעבראכט און ביז צו ניט־גוטקייט איבערגע'חזר'ט געוואָרען; און ניט איין מאָל זיינען זיי אויך צושלאָגען, צוקלאפט, אויסגע־ לאכט געוואָרען פון דער סאָציאליסטישער זייט. ביולאָו האָט פארגעסען, אז אין פארלא־ מענט זיצען 88 סאָציאליסטישע דעפוטאטען, פון וועלכע יעדער וואָלט געקענט צוקלאפען איהם, בעוויזען זיין אונוויסענהייט אין סאָ־ ציאליזמוס.

דער גלענצענדסטער פון דיא 88, בעבעל, איז אָבער שוין אזוי גוט פארטיג געוואָרען מיט דעם „גרויסען“ רייכסקאנצלער, איהם געגעבען אזא תשובה און אזא לעקציע, אז מען האָט שוין מעהר קיינעם ניט געדארפט.

אויף דער טענה, אז דיא סאָציאלדעמאָ־ קראטען טהוען גאָר ניט אויף פאר דיא מאסען; אז זיי העלפען ניט דורך בעשטימטע מיטלען און געזעצען צו פארבעסערען דיא לאגע פון דיא ארבייטער, האָט דיא סאָציאלדעמאָקראטישע פּארלאמענטס־פראקציאָן גלייך אריינגעטראָגען אייניגע וויכטיגע געזעץ־פּראָיעקטען. זיי זיינען אזוי פערפאסט, אז זיי ערפילען דיא פאָדערונ־ גען, וואָס זיינען שוין לאנג פון פערשיע־ דענע זייטען הערויסגעשטעלט געוואָרען. זיי זיינען אומישנע געשריבען געוואָרען אזוי, אז יעדער פרייהייטליכער מענש וואָלט מוזען צו־ שטימען צו זיי. זיי פאָדערן: עס זאָל געזיכערט ווערען דיא פרייהייט זיך צו אָרגאניזירען און פערבינדען אין יוניאָנס און פעראיינען; זיי לייגען פאָר פארשיעדענע פראקטישע מיטלען, וויא ביי געפעהרליכע טריידס צו פארהיטען דיא אונגליקען, וואָס קומען אזוי אָפט פאָר.

איין פּראָיעקט פאָדערט, אז דיא טעגליכע אר־בייטס־צייט פיר אלע פּערזאָנען, וואָס ארביי־טען אין אינדוסטריע, האנדעל און פּערקעהר, און אויך אין שטוב־דינסט זאָל בעשטימט ווערן פון יאנואר, 1906, העכסטענס אויף 10 שטונ־דען; פון יאנואר, 1907, העכסטענס אויף 9 שטונדען, און פון יאנואר, 1908, העכסטענס אויף 8 שטונדען.

אָט אויף אזא אופן וויל דיא דייטשע סאָ־ציאַל־דעמאָקראטיע פעראייניגען דיא פּרינצי־פּיעלע 8 שטונדען פאָדערונג פון דער אינ־טערנאציאָנאַלער סאָציאַלדעמאָקראטיע מיט די פּראקטישע אומשטענדע. מען דארף אָבער ניט זיין קיין גרויסער נביא צו פארשטיין, אז ניט דיא רעגירונג, ניט ביא אנדערע פּארטייען וועלען צושטימען דאצו. פאר זיי אַלעמען הייסט דאָס צו־פּיעל נאָכגעבען דיא ארבייטער. און זיי האָבען דיא הוצפה צו ריידען וועגען דעם, אז דיא סאָציאַלדעמאָקראטיע טהוט ווייניג פאר דיא מאסען!

אין דייטשלאנד ווערט אויך שוין דעם 5טען מאָנאט געפיהרט א גרויסער, שווערער עקאָנאָ־מישער קאמפּף, אין וועלכען דיא גאנצע ארביי־טער־בעפעלקערונג איז העכסט פעראינטערע־סירט. דיא פּארטיי ארבייט אין גאנצען לאנד פאר דיא סטרייקענדע. אין פּארלאמענט, אין די ציטונגען, אויף מאסענפערזאמלונגען ווערט וועגען דעם גערעדט, דעבאטירט, פּראָטעסטירט. געלד ווערט געזאמעלט צעהנדליגע טויזנעד מארק. איצט קומט שוין געלד אפילו פון אויס־לאנד.

דער קאמפּף פיהרט זיך אין דער קליינער שטעדטעל קרימיטשאו אין זאקסען: פון 7000—8000 פארהונגערטע, אונטערדריקטע וועבער, מענער, פרויען און קינדער, וואָס פאָדערן דעם 10 שטונדיגען ארבייטס־טאָג, געגען א באנדע פאבריקאנטען, וואָס זיינען ענג פארבונדען מיט דער רעגירונג, מיט דער פּאָליציי, מיט'ן גע־ריכט און מיט דיא שטאָדט־פיהרער.

דער סטרייק האָט אָנגענומען אן אלגעמיי־נעם כאראקטער. דערוייל זיינען מיטלען פאר דיא סטרייקענדע דאָ גענוג. אָבער אויך דיא פאבריקאנטען קריגען שטיצע. זיי ווילען פון שיעדס־געריכט ניט וויסען, האָטש פון דער אר־בייטער זייט האָט מען איינינגע מאָל געפּרו־בירט פיהרען פערהאנדלונגען וועגען דעם.

## פראַנקרייך.

פון פראנקרייך לאָזען זיך אין אַן נאָוועמ־בער הערען רייד וועגען שפּאַלטונגען און קריעג אין דיא סאָציאליסטישע רייהען. דיא שפּאַלטונגען און קריעג קומען פאָר אין זשאָרעס פּארטיי.

דער ערשטער סכסוך איז ארויס אין דער רעדאקציאָן פון דער צייטונג „פּעטיט רעפּוב־ליק". זשאָרעס און מיט איהם דיא בעסטע שריי־בער פון זיין פּארטיי זיינען ארויס פון דער צייּ־טונג און נעהמען ארויסגעבען א נייע טעגליכע צייטונג, דער צוואנציגסטער יאהרהונדערט. דיא אורזאכען זיינען, וואָס דער הערויסגעבער פון „פּעטיט רעפּובליק„ א געוויסער דעזלאן, האָט אין דיא לעצטע צייט גענומען נאָך מעהר, וויא געוויינליך געברויכען דעם איינפלוס פון זיין צייטונג פאר דונקעלע געשעפטען, פאר ספּעקו־לאציאָנען אויף דער בערזע.

דער סכסוך איז ארויס ווידער אמאָל מיט מילעראנען, דעם געוועזענעם „סאָציאליסטישען" מיניסטער. ער האָט דעם מאָל וויטער „רעפאָר־מירט" דעם סאָציאליזמוס און געשטימט אין פּארלאמענט געגען דעם פאָרשלאַג צו פערקלע־נערען דיא הוצאות אויף דיא ארמעע.

עס איז אָבער אַן אלטע, קלאָרע אלגעמיינע פאָדערונג ביי דיא סאָציאַלדעמאָקראטישע פּארטייען פון אלע לענדער צו שטימען געגען אלע הוצאות אויף דער ארמעע, דערפאר האָט דיא סאָציאליסטישע אָרגאניזאציאָן פון „סעין דעפּארטאמענט," וואָס איז א טהייל פון זשאָ־רעס'עם פּארטיי, אויסגעשלאָסען מילעראנען פון איהר אָרגאַניזאציאָן.

## איטאַליען.

אויך אין איטאליען קומען פאָר אין דיא סאָציאליסטישע רייהען גרויסע צווויסטיגקייטען. דורך א רעפערענדום־וואוט איז בעשלאָסען אָב־צוהאלטען דעם 1. אַפּריל אין באָלאָניא דעם פּאר־טייטאָג, וועלכער איז פון זומער 1901 אַן שוין ניט צוזאמענגעקומען.

דיעזער פּארטייטאָג דארף שפּיעלען א גרוי־סע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער פּארטיי. פאר דיא לעצטע אנדערהאלבען יאהר האָבען זיך אָנגעקליבען אין דער פּארטיי וויכטיגע פאקטען; עס זיינען ארויסגעטראָטען נאָך מעהר ווי פרי־הער גרויסע דיפערענצען, רייסערייען און סכסוכים צווישען דיא ביידע ריכטונגען, צווי־שען דער רעוואָלוציאָנערער ריכטונג מיט ענ־

ריקאַ פערי אלס אנפיהרער, און דיא אָפּאָרטוניס־טישע אָדער רעוויזיאָניסטישע ריכטונג מיט טוראַטי אלס אָנפיהרער.

ביידע ריכטונגען זיינען דעם לעצטען יאָהר שאַרפער ארויס איינע געגען דיא אנדערע אין ריין־פּאָליטישע טאגעספראגען.

נאָך דעם וויא עס האָבען זיך אָנגעהויבען דאָרט א ליבעראַלערע צייט, ווען. דעמאָקראַטי־שערע מיניסטאָרען האָבען גענומען פיהרען דיא מלוכה און זיינען געוואָרען גענויטיגט אָנצוקו־מען אָפּט צו דער שטיצע און פערטרויען פון דיא סאָציאַליסטען, האָט זיך ביי יעדער געלעגענ־הייט גענומען ארויסווייזען, אז דיא פּארטיי בע־שטעהט פון צוויי גאַנץ פערשיעדענע ריכטונגען, וואָס וואָלטען וועלען האלטען זיך אן גאנץ פער־שיעדענע טאַקטיקען.

אונאבהענגיג פון אלע איבעריגע פּארטייען, אלס א ריינע פּארטיי פון קלאַסענקאמפּף דאַרף זיך פיהרען, שטעלונג נעהמען צו דער רעגיערונג און צו דיא פערשיעדענע פראגען און געזעצען; א שארפע אָפּאָזיציאָן געגען אלע פעהלערען פון דער רעגיערונג, — אזא טאַקטיק פאָדערט דער רעוואָלוציאָנערער טהייל פון דער פּארטיי.

האנד אין האנד מיט דיא ליבעראַלערע עלע־מענטען, אבי נור צו עררייכען וואָס שנעלער וועלכע עס איז ערפאָלגען, אבי נור וואָס עס איז און וואָס שנעלער אויפטהון פאר דיא אינטע־רעסען פון דיא ארבייטער — דאָס איז דיא טאַק־טיק פון דיא אָפּאָרטוניסטען, וועלכע פאָדערן א געמעסיגטע, רוהיגע אָפּאָזיציאָן געגען דיא רעגיערונג, ווייכע שטראָפרייד, א פריעדליכען טאָן.

דיא רעדאקציאָן פון צענטראל אָרגאַן „אוואנטי" ליעגט אין דיא הענד פון דיא רעוואָ־לוציאָנערען. אין דער פּארטייליטונג אָבער האָ־בען דיא רעוויזיאָניסטען דאָס רוב מיטגליעדער. דער רעפערענדום, דיא פאָלקסאבשטימונג, האָט געוויזען, אז דיא גרויסע מאסע פּארטייגענאָסען ווילען וואָס שנעלער אויפקלערען דיא לאַגע, מאכען א סוף צו דיא סכסוכים און צו דיא רייבערייען און זיך נעהמען פאר דיא ארבייט פון אגיטאציאָן און פּראָפּאגאנדא. דאריבער איז דער פּארטייטאָג באשטימט געוואָרען אזוי פריה אין פריהלינג.

י. ערנסט.

נויאָרק 15טען יאנואר 1904.

# נייע ביכער.

ל. קאָברין'ס ערצעהלונג.

„דיא פאָלקס־ביבליאָטהעק," וועלכע האָט אָנגעפאנגען איהר טהעטיגקייט מיט דער אויס־גאבע פון קאָברין'ס צעהן אויסגעקליבענע ער־צעהלונגען, איז א נייע ערפרעהליכע ערשיינונג אויף דעם אָרימען פעלד פון דער זשארגאָנישער ליטעראַטור. אין דער הקדמה צו דיזען בוך ער־קלערט דער ארויסגעבער, גענ. הילמאן, אז ער שטרעבט צו פערשפּרייטען נאָר גוטע ליטעראַ־טור צווישען דיא אידיש־שפּרעכענדע לעזער, און וויא וויט מען קען שליסען פון זיינע פערשפּראָ־כענע אויסגאבען אין דער נעכסטער צוקונפט, וועט ער עהרליך האלטען וואָרט.

זיין ערקלערונג שליסט גענ. הילמאן מיט דיא ווערטער:

„דער ארויסגעבער צווייפעלט ניט, אז דיא אי־דישע פרעסע, אָהן אן אויסנאָהם, וועט זעהען צו ערמוטהיגען וויא וויט מעגליך דיא שווערע אר־בייט פון ארויסגעבען גוטע, ניצליכע ביכער. דיא פרעסע וועט דערביי בלויז ערפילען אַ פּפליכט, וואָס איז ענג פערבונדען מיט איהרע ריכטיגע צוועקען און אויפגאבען — פערשפּרייטען ליכט אין דער אידישער מאסע, אויפהייבען איהר מאָראלישען און קולטורעלען צושטאנד און ענטוויקלען ביי איהר א פיינערן ליטעראַרישען געשמאַק".

דאָס קלינגט וויא א טיעפע איראָניע, ווען מען נעהמט אין אנבעטראכט דיא זשארגאָנישע פרעסע אין אמעריקא. דיא נויאָרקער טעגליכע אידישע צייטונגען זאָלען „פערשפּרייטען ליכט אין דער אידישער מאסע" און דערצו נאָך „ענט־וויקלען ביי איהר א פיינערען ליטעראַרישען גע־שמאַק"... האָט איהר ניט געלאכט בשעת איהר האָט עס געשריבען, ה' ארויסגעבער פון דער „פאָלקס־ביבליאָטהעק"? מיר ווילען אייך ניט ענטמוטהיגען, מיר וועלען אייך זיכער שטיצען, ווען איהר וועט ערפילען אייערע פערשפּרעכען, אָבער מיר מוזען אייך אָפען זאָגען, אז מיר צוויי־פלען גראדע ניט, דאָס אייער צורוף צו דיא טעג־

ליבע צייטונגען פון נויאָרק וועט בלייבען וויא א קול אין דער מדבר.

אָט האָט דיא „אינטערנאציאָנאלע ביבליאָטהעק" שוין ארויסגעגעבען א גאנצע רייהע נוצליכע און בעלעהרענדע ביכער — וועלכע פון דיא אידישע צייטונגען אין נויאָרק האָט עס געהאלטען פאר איהר פפליכט צו שטיצען אזא גוטע אונטערנעהמונג און צו זאָגען עפעס פרייוויליג — מיר מיינען דאָ איינפאך אָהן געלד — וועגען דיעזע ווערק?

וואָס אנבעלאנגט צו קאָברין'ס ערצעהלונגען, זאָ קענען מיר נאָר אין אלגעמיינען זאָגען, אז זיי געהערען צו דיא בעסטע אין דער זשארגאָנישער ליטעראטור פון אמעריקא. דער פלאץ אין דער „צוקונפט" איז ליידער צו בעשרענקט צו געבען אויספיהרליכע קריטיקען איבער ביכער. אוב צו געבען דעם לעזער א בעגריף וועגען קאָברין'ס ערצעהלונגען, וועלען מיר זאָגען א פּאָאר ווערטער וועגען דיא ערשטע אונטער דעם נאָמען „דער פערשטערטער שבת." דאָס איז א ריהרענדע שילדערונג, וויא פרומע עלטערען ליידען דורך דעם שמד פון זייער איינציגער טאָכטער. דיא פּסיכאָלאָגישע מאָמענטען זיינען פאָרגעשטעלט מיט א מייסטערהאנד. מאנכע שטריכען דערמאָנען אָן גי־דע־מאָפּאסאן. דער קאמפף צווישען בלינדען רעליגיעזען גלויבען און דיא נאטירליכע ליעבע פון דיא עלטערן איז מערקווירדיג ריכטיג און קרעפטיג איבערגעגעבען.

קאָברין צייגט איבערהויפּט ארויס זיין בעדייטענדען בעלעטריסטישען טאלענט אין פסיכאָלאָגישען אנאליז. דאָס זעלבע קענען מיר אָבער ניט זאָגען וועגען זיינע בעשרייבונגען, בעזאָנדערס פון דער נאטור. דאָ צייגט ער דיא שוואכע זייט פון כמעט אלע זשארגאָנישע שרייבער, וועלכע האָבען פערבראכט זייערע יונגע יאָהרען אין חדר און אין שטעט. ווען זיי שרייבען פון וועלדער, גרינע פעלדער, פויגלאך א. ז. וו. קלינגט עס פרעמד, נאָכגעמאכט, אָהן ווירקליכע ליעבע צו דער מוטער נאטור.

אויך פעהלט א שטרענגע בעארבייטונג פון איינצעלהייטען אין קאָברין'ס ערצעהלונגען. ער מאָלט צו גיך און נאכלעסיג, און דיא שטריכען קומען דארום ארויס אין מאנכע ערטער גראָב און יעדענפאלס ניט גענוג קינסטלעריש. ווען ער וואָלט געשריעבען זאָרגפעלטיגער און מעהר נאָכגעדענקט וועגען דיא ווערטער, וואָלט ער זיכער ניט אָנגעשריעבען אזא בילד, וויא, צום ביישפּיעל, אויף דער צווייטער זייט פון „דעם פערשטערטען שבת":

„א רויטער שיין פון דער פערגעהענדער זון שלאָגט אָפּ פון דיא פענסטער און דורך(?) דיא פענסטער אויפ'ן צוגעקליבענעם טיש, אויף דער פלאש וויין, אויף דיא זילבערנע לייכטער און אויפ'ן געלדענעם בעכער, וואָס בלישצעט און פונקעלט אין דיא רויטע שטראהלען פון דער פערגעהענדער זון"....

דאָס איז ניט נאטור־טריי און יעדענפאלס קלינגט עס ניט שעהן צו ווידערהאָלען אין איין זאץ דיא זעלבע ווערטער וועגען דער פערגעהענדער זון.

—י. ב. ר.

No. 3 (27) MARCH 1904, Volume 3

# אן דיא ווערטהע סובסקרייבער און לעזער פון „דיא צוקונפט."

פריינדע פון בילדונג און אויפקלעהרונג!

מיט גרויס פרייד און פערגניגען בעגריסען מיר אייך פריינדליך און שיקען אייך א פרעהליכע בשורה פון אייער איינציגען סאָציאַליסטיש־וויסענשאַפטליכען זשורנאַל „די צוקונפט", דאָס מיט דעם אָנפאַנג יאהר 1904 האָט דיא צירקולאַציאָן פון „דיא צוקונפט שוין זיך פערגרעסערט מיט 1000 קאָפּיעס מעהר וויא דיא פערגאַנגענע צוויי יאהר, און מיר האָבען א שטאַרקע האָפנונג, אַז אין א גאַנץ קורצע צייט, וועט עס זיך פערגרעסערן אין דאָבעלט און פיעלייכט מעהר.

נון, מיר דענקען אַז דיזע בשורה, איז פאַר אייך אזוי גוט און פרעהליך וויא פיר אונז, ערשטענס: ווייל „דיא צוקונפט" איז ניט אונזער אייגענטהום, זיא איז אייערע אזוי גוט וויא אונזערע, מיר זיינען נור אייערע פערטרעטער, וועגען דיזעווירקליך אמת'ע בעהויפטונג קען זיך יעדער לעזער פון „דיא צוקונפט" איבערציינגען; צווייטענס: דאַרפען מיר זיך אַלע פרעהען דערמיט, דאָס „דיא צוקונפט" איז, אונטער דיא ערגסטע אומשטענדען, געבליעבען ביז היינטיגען טאָג אונבעפלעקט פון ביזנעסמאַכעריי, ריין פון קאָררופציאָן, פעסט און טריי ביי איהרע הייליגע פרינציפּען און אידעאַלען אויף וועלכע זיא איז געגרינדעט געוואָרען, און מיר האָפען אַז זיא וועט ווייטער אזוי שטעהן און עקזיסטירען; דריטענס: דאַרפען מיר זיך פרעהען, אַז טראָטץ דעם וואָס „דיא צוקונפט" איז געבליעבען טריי און ריין ביי איהרע פרינציפּען, איז געשטאַנען אליין אָהן הילפע פון וועלכע עס־איז פריינד וואָס זאָלען פושען און בומען, איז דאָך געשטיעגען און שטייגט אין צירקולאַציאָן, נור דורך ריינע אידעאַלע מיטלען.

פיערטענס: דאַרף זיין דיא צירקולאַציאָן־פערגרעסערונג פון „דיא צוקונפט" דיא גרעסטע שמחה דערמיט, ווייל דאָס פערזיכערט אונז, אויב עס זאָל ווייטער שטייגען וויא מיר האָפען, וועלען מיר אין א גאַנץ קורצע צייט „דיא צוקונפט" פערגרעסערן און ממילא וועט זיא אויך פיעל פערבעסערט ווערען, וואָס דאָס איז אונזער און אייער בעסטער וואונש, פריינדע פון בילדונג און אויפקלעהרונג.

פאָרלויפיג האָבען מיר שוין געמאַכט אַררענדזשעמענטס מיט אונזער רעדאַקטאָר פיר דעם מאַי־נומער „צוקונפט" צו פערגרעסערן און צו פערבעסערן, מיר האָפען און ווינשען דאָס זאָל פערבלייבען אויף ווייטער אויך, דאָס ווענדט זיך אָבער פיעל מעהר אָן אייך, פריינדע, וויא אָן אונז. ווען איהר וועט נור ניט שטעהן פון ווייטען און אונז העלפען אויספיהרען אונזערע אידעאַלע פלענער, וועט געוויס אונזער אַלעמענס וואונש מקוים ווערען.

## אונזער ערשטער אידעאַלער פלאַן

איז פאָלגענדער: מיר האָבען זיך געווענדעט צו אַלע פאָרטגעשריטענע אָרגאַניזאַציאָנען מיט א פאָרשלאַג אַז זיי זאָלען אָננעהמען בעשליסע דאָס יעדע אָרגאַניזאַציאָן זאָל נעהמען קאָפּיעס „צוקונפט" נאָך דעם צאָהל פון איהר מיטגלידערשאַפט, אום צו פערשפּרייטען וואָס מעהר ליכט און בילדונג צווישען אונזערע ברידער אונזער שטימע איז געהערט געוואָרען, בּרענטשעס פון דער גרעסטער פאָרטגעשריטענער

אידישער אָרגאַניזאַציאָן אין אַמעריקא „ארבייטער רינג" זיינען געווען דיא ערשטע וואָס האָבען מיט שמחה אָנגענומען אונזער פּאָרשלאָג, און דורכגעפיהרט דיא געווינשטע בעשליסע, ברענטש 2 אַרבייטער רינג ניו יאָרק, איז געווען דיא ערשטע וואָס האָט אונזער פּאָרשלאָג אָנגענומען, און איהר קומט דער ערשטער גרעסטער דאַנק.

מיט דיא גרעסטע דאַנקבאַרקייט פּערעפענטליכען מיר דיא נעמען פון דיא אָרגאַניזאַציאָנען וועלכע האָבען אָנגענומען אונזער פּאָרשלאָג און נעהמען יעדען מאָנאַט קאָפּיעס נאָך דער צאָהל פון זייערע מיטגליעדער, אום צו העלפען פערגרעסערען דיא צירקולאַציאָן פון „דיא צוקונפט". מיר האָפען דאָס נעכסטען מאָנאַט וועלען מיר האָבען צו בעריכטען נאָך אַמאָל אזוי פיעל.

ברענטשעס פון אַרבייטער רינג.

ברענטש 1 ניו יאָרק.
" 2 ניו יאָרק.
" 7 וועסט האָבאָקען.
" 9 באַלטימאָרע.
" 13 פּעטערסאָן.
" 19 סיראַקיוז.
" 22 ניו בריטיין
" 27 ראָטשעסטער
" 28 ניו יאָרק.
" 30 פּעטערסאָן
" 37 ניו יאָרק.
" 38 ניו יאָרק.
" 40 ניו יאָרק.
" 43 ניו יאָרק.

ברענטש פון בונד, באַלטימאָרע.
פּראָגרעסיוו וואָרקינגמען, ניו יאָרק.
בריסקער ראַדיקאַלער פעראיין, ניו יאָרק.
איוויער פּראָגרעסיווער פעראיין, ניו יאָרק.
ווילקאָמירער פּראָגרעסיוו פעראיין.
באָריסאָווער פּראָגרעסיווער פעראיין.
קאָוונער רעוואָלוציאָנערען אונט. פעראיין.
אינט. אַרבייטער קראַנקען אונט. פעראיין.
יאָנג מענס עדיוקיישיאָנאַל ליעג.

דערמאָהנענדיג דיא ווערטהע אָרגאַניזאַציאָנען וועלכע האָבען אָנגענומען צו העלפען פערברייטען „דיא צוקונפט" דורך אונזער נייעם פּלאַן, פערגעסען מיר אויך ניט צו בעדאַנקען בר. 12 אַרבייטער רינג פילאַדעלפיא און לאַסאַל פּאָליטיקאַל קלאָב בר. 32 אַרבייטער רינג שיקאַגאָ. דיעזע צוויי ווערטהע ברענטשעס האָבען זיך גענומען דיא מיה צו פערשפּרייטען „דיא צוקונפט" מיט פיעלע מאָנאַטען פריהער איידער אונזער פּלאַן איז אויסגעאַרבייט געוואָרען.

מיר דאַנקען אויך אונזערע סובסקרייבער, וועלכע האָבען בענייט זייער סובסקריפּציאָן פיר דעם קומענדען יאָהר און בעטען זיי אויך, אונז מיטצוהעלפען פערשפּרייטען „דיא צוקונפט" וואָס מעהר, אום עס זאָל ברענגען מעהר ליכט, מעהר בילדונג און מעהר אויפקלעהרונג.

מיט אַכטונג,

צוקונפט פּרעס־פּעדעריישאָן.

---

אויף פאָלגענדע נעמען און אַדרעסען, צו וועלכע מיר האָבען געשיקט דיא „צוקונפט", האט אונז דיא פּאָסט אנגעצייגט, דאס זיי האָבען דיזען מאָנאַט ניט ערהאַלטען זייערע קאָפּיעס דורך פערשיעדענע אורזאַכען:

S. Leader 97 Gerry St., Brooklyn, N.Y.
אורזאַכע געמופט.

W. Panslivansky, 53 Kelly St. Roceester, N. Y.
אורזאַכע ניט צו געפינען.

Ch. Kaminsky, 4 Hamburgh St., Rochester, N. Y.
פערלאָזען דיא סיטי.

B. Jacobstein, 255 Joseph St., Rochester, N. Y.
פערלאָזען דיא סיטי.

J. Blair, 149 Broad St., Providence, R.J.
ניטאָ אזא נומער.

A. Haar, 235 Market St., Paterson N.J.
ניט אויסצוגעפינען.

מיר בעטען געפעלינגסט אונזערע ווערטהע לעזער פון דיא „צוקונפט" אז ווער נור עס ווייס פון דיזע פּערזאָנען, זאָל אונז לאָזען וויסען זייערע ריכטיגע אַדרעסען, אדער זיי אַליין לאָזען וויסען, אום זיי זאָלען זיך אם וועניגסטענס איבערצייגען, אז ווען זיי האבען ניט ערהאַלטען זייערע קאָפּיעס איז דאָס ניט אונזער שולד.

מענעדזשמענט.

---

מיר מאַכען אויפמערקזאַם אונזערע לעזער, אז אין דעם אַפּריל נומער וועלען ערשיינען פאָלגענדע ספּעציעלע אַרטיקלען: „איבער רעאַליזמוס און ראָמאַנטיזמוס" פון יעקב גאָרדין; „וועגען אונזער נערוועז־סיסטעם", פון דר. א. גינצבורג; „א בליק אין דער צוקונפט", פון דר. א. אָרטמאַן; „ניקאָלאַי קאָנסטאַנטינאָוויטש מיכאַילאָווסקי", פון פ. קראַנץ.



קאַרל עמיל פראַנצאָז.

# קארל עמיל פראנצאז.

עדעס לאנד האט דיא אידען דיא עס פערדיענט"—דאס האט קארל עמיל פראנצאז, דער ערשטער ערקלערט און יעדענפאלס אזוי אויסדריקליך געצייגט אין זיינע ערצעהלונגען אוים דעם אידישען אידישען לעבען אין די פערווארפענסטע ערטער פון אייראפא, אז אלע האבען עס געמוזט אנערקענען. דערמיט אליין האט ער געבראכט פיעל נוצען דעם אידישען פאלק, דען דיא פעלקער, צווישען וועלכע אידען לעבען, האבען זיך גענומען ארומקוקען, פיליכט זיינען זיי אליין שולדיג אין דיא חטאים, וועלכע זיי האבען צוגעשריעבען דיא אידען.. איינינגע בעהויפטען, אז ער איז ניט געוועזען דער ערשטער, וועלכער האט אויסגעדריקט דיא פיעל־זאגענדע וואהרהייט, אז דער צושטאנד פון אידען איז א שפיגעל פאר דעם לאנד, וואו זיי וואהנען. דאס איז מעגליך; אבער דאס מאכט גאר ניט קלענער דעם גרויסען פערדינסט פון דעם פערפאסער פון „אוים האלב־אזיען". דען עס איז זיכער, אז מיט זיינע שריפטען האט ער ווייט און ברייט פערברייטעט דיזע היסטארישע וואהרהייט איבער דער וועלט, א וואהרהייט, וועלכע האט שוין געבראכט גוטע פריכטע און וועט נאך ברענגען מיט דער צייט בעסערע.

ער איז געוועזען ניט בלויז א טיעפער בעאבאכטער פון לעבען, א הויך־געבילדעטער שריפטשטעלער מיט א קינסטלערישען גייסט, זאנדערן אויך א מוטהיגער און עדלער קעמפפער פאר זיין פאלק, פאר רעכט און וואהרהייט. ער האט זיך ניט בעגנוגענט, וואס אין זיינע ערצעהלונגען און רייזע־בילדער האט ער ריכטיג געשילדערט דעם פערפינסטערטען לעבען פון זיינע הינטערשטעליגע ברידער, נאר ער האט אויך געזוכט צו ערוועקען דיא סימפאטהיע פון זיינע לעזער צו זיי און צו כל־ישראל. ניט איינמאל איז ער אויך ארויסגעטראטען מיט זיין בריליאנטענע פעדער און מיט דעם פייער פון זיין עדעלער נשמה געגען דיא אנטיסעמיטען.

איהם איז אויסגעקומען צו פערברייננגען זיין יוגענד אין דיא פינסטערע נעסטען פון חסידיזמוס אין גאליציען. ער איז געבארען געווארען אין פאדאליער גובערניע דעם 25טען אקטאבער 1848, אבער זיין פאטער, א פריי־געזאנענער און פרייגיעביגער דאקטאר, האט ארויסגעצויגען נאך טשארטקאוו אין גאליציען, וואו ער האט פראקטיצירט. דיא אידען ווייט ארום האבען זעהר ליעב געהאט דיזען דאקטאר, ווייל ער איז געוועזען א גוטהערציגער און ליבעראלער מענש, אבער זיי האבען איהם ניט געקענט פערגעבען, וואס ער איז געוועזען, נאך זייער מיינונג, א'ן אפיקורוס. זיין זוהן האט ער געגעבען א גוטע און געזונטע ערציהונג, נאך דעם גייסט פון דער נייער צייט. אין דיזער ארימער שטעטעל — דער „בארנאוו" פון זיינע ערצעהלונגען — האט פראנצאז געלעבט ביז זיין פאטער האט איהם געשיקט אין דעם גימנאזיום פון טשערנאוויץ, וואו דיא אידען האבען אויך געלעבט אין אזעלכע געהאקטע צרות וויא אין טשארטקאוו און איבערהויפט אין גאנץ גאליציען. דאס איז אלץ געוועזען איין „בארנאוו" וועלכען ער האט נאכהער אזוי קינסטלעריש און לעבעדיג בעשריעבען.

ווען ער האט געענדיגט דאס גימנאזיום, האט ער שטודירט אין דיא אוניווערזיטעטען פון גראץ און וויען און אויסגעהאלטען דעם עקזאמען אויף א'ן אדוואקאט. אבער איהם האט געצויגען צו דער פעדער, צו ליטעראטור, און ער האט אנגעפאנגען צו שרייבען אין צייטונגען. ער איז דאן אלט געוועזען 24 יאהר, נאר ער האט שוין אויסגעארבייט דעם פלאן פון זיינע ערשטע ווערק. פריהער אבער האט ער געוואלט ארומרייזען, אום צו זעהען וויא זיינע ברידער לעבען אין פערשידענע לענדער. איהם האבען ספעציעל אינטערעסירט דיא הינטערשטעליגע לענדער, וואו עס געפינען זיך ליידער דיא מייסטע אידען. אונגעפעהר פיער יאהר האט ער ארומגעוואנדעלט איבער זיד־רוסלאנד, בוקאווינא, רומעניען, טירקיי, קליין־אזיען און מצרים. דארטען האט ער זיך גוט צוגעקוקט צו דיא פיהרונגען פון דיא אידען, שטודירט זייער לאגע און אויך דיא לאגע פון זייערע בעהערשער, און דעם רעזולטאט פון זיינע טיעפע בעאבאכטונגען האט ער נאכהער

פערעפענטליכט אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען
„אויס האַלבּאַזיען“, מיט דעם אויבּען־געבּראַכטען
טיעפזיניגען מאָטטאָ.

אין דער זעלבּער צייט האָט ער אויך אָנ־
געפאַנגען זיינע בעשרייבּונגען פון „באַרנאָוו“.
פיער יאהר האָט ער געזוכט אַ׳ן ארויסגעבּער
פאַר זיינע ערשטע ערצעהלונגען אויס דעם אידי־
שען לעבען אין גאַליציען. ווער האָט זיך אינטע־
רעסירט מיט דיעזע אָרימע און פערפינסטערטע
אידען, וועלכע זיינען אַפילו אָבּגעלאַכט און פער־
אַכטעט געוועזען פון זייערע דייטשע ברידער.
„דיא פּאָלאַקען זיינען אויך מענשען!“ האָבּען
דיא דייטשע אידען געזאָגט. אבער ווען זיינע
ערצעהלונגען האָבּען ענדליך דערלעבּט צו זעהען
דיא ליכטיגע וועלט, האָבּען זיי גלייך צוגעצויגען
דיא אויפמערקזאַמקייט און זיינען אין אַ קורצער
צייט איבּערזעצט געוואָרען אין פערשידענע
שפּראַכען. יעצט עקזיסטירען ניט וועניגער וויא
20 איבּערזעצונגען פון זיינע ערצעהלונגען (דאַרונ־
טער אויך אין אידיש־דייטש), וועלכע זיינען
מעהר געלעזען געוואָרען פון קריסטען וויא פון
אידען.

זיין ערפאָלג איז געווען אַזוי גרויס וויא פער־
דיענט. אַפילו קריטיקער, וואָס זיינען גאָר ניט
פריינדליך געווען צו אידען אין אַלגעמיין, האָבּען
געמוזט צוגעבּען, אַז פראַנצאָז איז ניט נאָר אַ גר־
טער שריפטשטעלער און שילדערט ריכטיג דעם
לעבען פון דיא אידען אין הינטערשטעליגע לענ־
דער, זאָנדערן אַז זיי פערדיענען אויך סימפּאַטיע
און זיינען גאָר ניט אַזוי שלעכט, וויא מען האָט
זיך עס פאָרגעשטעלט. אונטער דעם איינפלוס
פון דיא דייטשע קריטיקער האָבּען דיא דייטשע
אידען אויך אָנגעפאַנגען צו לעזען, „וואָס מען
שרייבּט עפּעס וועגען דיא פּאָלאַקען“. ניט ווילענ־
דיג האָבּען זיי דאַן ביסלעכוויז געבּיטען זייערע
מיינונגען וועגען זייערע אונגליקליכע ברידער,
דען אין „דיא יודען פאָן באַרנאָוו אונד פאָן
האַלבּאַזיען“, האָבּען זיי געמוזט אַנערקענען מענ־
שען, וועלכע מען דאַרף ניט אָפּלאַכען, נאָר בּע־
דויערן, וועלכע זיינען פערפינסטערט, ווייל זיי
זיינען פערבּליעבּען אין האַלבּ־אַזיאַטישע לענדער.
דעם זעלבּען איינדרוק האָבּען פראַנצאָז׳ס ער־
צעהלונגען געמאַכט אויף דיא לעזער אין אַלע
לענדער, אויף קריסטען אַזוי גוט וויא אויף אי־
דען. דער ערשטער רעזולטאַט דערפון איז געווען
אַז דיא דייטשע אידען האָבּען אָנגעפאַנגען צו
קוקען אויף דיא „פּאָלאַקען“ מיט פריינדליכערע
אויגען.

אין זיינע ערצעהלונגען ווערט אויך פּאַר־
טרעפליך געשילדערט דער קאַמפף צווישען דעם
אַלטען און יונגען דור. דערמיט אונטערשיידעט
ער זיך פון אויערבּאַך, קאָמפּערט און אַנדערע
אידיש־דייטשע שריפטשטעלער, וועלכע האָבּען
פאַרגעשטעלט דעם אידישען לעבען. דיזען
קאַמפף האָט ער אַליין ניט געהאַט דורכצומאַכען,
דען זיין פאָטער האָט אויך געהערט צום יונגען
דור; אָבּער ער האָט גענוג געלעגענהייטען גע־
האַט איהם צו בעטראַכטען אין „באַרנאָוו“ און
אויף זיינע רייזען. וויא ווייט ער האָט נור גע־
קענט, האָט ער מיטגעהאָלפען דעם יונגען דור,
מיט וועלכען ער האָט נאַטירליך סימפּאַטיזירט
פון קינדהייט אָן. דיא פעהלערן און שלעכטע
זייטען פון דיא אידען האָט ער גאָר ניט געזוכט
צו בעהאַלטען. ער איז געווען צו פיעל קינסט־
לער, אום ניט צו מאָלען ריכטיג און מיט לעבּע־
דיגע פאַרבּען זייני טיפּען. ער האָט זאָגאַר אָפּ־
געלאַכט פון זיי ניט איין מאָל, אָבּער מיט אַ וועה־
טאָג אין הארצען. דערבּיי אָבּער האָט ער קיין
מאָל ניט דורכגעלאָזען דיא געלעגענהייט אַנצו־
גרייפען זייערע אונטערדריקער. ער האָט מוטהיג
געקעמפּפט געגען דיא אונטערדריקער פון אידען
אין רומעניען און גאַליציען. דער לעצטער איינ־
דרוק פון אַלע זיינע ערצעהלונגען איז יעדענפאַלס
געווען אַ העכסט סימפּאַטישער צו אידען. אייני־
גע פון זיינע ערצעהלונגען, וויא צום ביישפּיעל,
„דיא צוויי רעטער“, ריהרען ביז צו טרעהרען,
ווען ער שילדערט דיא אידישע צרות.

מען האָט איהם צוגערעכענט צו דיא אַסי־
מילאַטאָרען אום יעדען פּרייז; אָבּער דאָס איז
געקומען דורך זיין הויכען וואונש צו ערהויבּען
דיא אידען פון „האַלבּ־אַזיען“, ביז צו דער
עכט־אייראָפּעאישער קולטור. נאָר ער איז קיין
מאָל ניט געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אידען זאָלען
זיך אין גאַנצען אויפלייזען און פערשווינדען אַלס
פאָלק. אין איין אָרט טרעט ער ארויס געגען דיא
גערמאַניזירער מיט דיעזע ווערטער: „גערמאַני־
זירען איז אַן אונדייטשער וואָרט פיר איין איי־
דייטשע אויפטהואונג. ווער עס ליעבּט זיין איי־
גענעס פאָלקסטהום, דער וועט אויך ניט וועלען
רויבּען ביי אַן אַנדערן דיזע העכסטע גוט!“

יעדענפאַלס האָט ער זיך שטענדיג אינטערע־
סירט מיט קהל׳שע אידישע אַנגעלעגענהייטען
און האָט אויך פערטראָטען אַמטען אין דיא גע־
מיינדען פון וויען און בערלין.

זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט איז ניט בּע־
שרענקט געווען מיט שילדערונגען פון אידישען

לעבען און אויך ניט מיט בעלעטריסטיק איבערהויפט. ער איז אויך געווען א רעהאקטאר און א קריטיקער.

אין 1877, באלד נאך זיינע רייזען, האט ער זיך בעזעצט אין וויען, וואו ער האט אויך רעדאקטירט „דיא נייע אילוסטרירטע דיכטונג.“ נאכהער האט ער אריבערגעצויגען נאך בערלין, וואו ער האט אנגעשריעבען און פערעפענטליכט זיין גרויסען ראמאן „א קאמפף אומס רעכט“, ענטנומען פון דעם לעבען פון בויערן אין בוקאווינא. דיעזער ראמאן איז באלד איבערזעצט געווארען אין פיעלע שפראכען און האט געהאט א גרויסען ערפאלג. מען קען זאגען, אז דאס איז זיין בעסטע ווערק. דער קאמפף פון א בוקאווינער אקערבויער פאר זיין רעכט איז געשילדערט מיט א מייסטערהאנד און אויך מיט גרויס סימפאטהיע צום פאלק. פון זיינע קריטישע ווערק איז דאס בעסטע זיין אבהאנדלונג איבער דיא שריפטען פון דעם דייטשען ראמאניסט קאנראד מעיער.

ער האט אנגעשריעבען א סך ערצעהלונגען און ארטיקלען איבער פערשיעדענע פראגען אין צייטונגען, ער איז איבערהויפט געווען א פרוכטבארער שרייבער און וואלט נאך געקענט פיעל שאפען, ווען דער טויט וואלט איהם ניט פריהצייטיג אוועקגערויבט פון אונז. ער איז געשטארבען לעצטען מאנאט אין אלטער פון 55 יאהר. זיינע ווערק וועלען אבער בלייבען אן אייביגער אנדענקען אן דיא עדלע געפיהלען, וועלכע האבען איהם בעזעעלט, און אן דיא נוטצען, וועלכע ער האט געבראכט זיין פאלק מיט זיין גייסטרייכע און גלענצענדע פעדער.

ער האט געגלויבט אין א בעסערע וועלט, אין א גליקליכע צוקונפט, אין דעם זיעג פון וואהרהייט אויף דער זינדיגער ערד. זיין אפטימיזמוס האט איהם קיין מאל ניט פערלאזען און שטענדיג געווארמט און געטריעבען ארויסצוטרעטען געגען אללע פיינדע פון פראגרעס, ספעציעל געגען דיא אנטיסעמיטען. אין איינעם פון זיינע ארטיקלען געגען אנטיסעמיטיזמוס ערקלערט ער :

„עס גיבען צייטען, ווען עס שיינט, אז דיא מענשהייט שטעהט אויפ'ן קאפ; אבער ענדליך שטעלט זיא זיך דאך אויף דיא פיס און מארשירט מונטער פאראויס. איך פון מיין זייט גלויב בעסט אין פראגרעס, אין א פערבעסערונג און פערעדעלונג פון דער מענשהייט און דארום אויך פון דיא פעלקער אין מזרח. דיא וואהרהייט זיעגט !“

יא, דיא וואהרהייט זיעגט, אבער לײדער דויערט עס צו לאנג ביז זיא זיעגט. זיא ווערט נאך, צום אונגליק, בעהערשט פון צו פיעל פאלשקייט, און מען מוז לאנג און ביטער קעמפפען געגען איהם, אום דורכצוברעכען א שפעלטעל פאר אפילו א שטראהל וואהרהייט אין דער געזעלשאפט.

קארל עמיל פראנצאז האט געקעמפפט פאר וואהרהייט אויף זיין וועג, אלס א בורזשואזער אידעאלאג, מיר סאציאליסטען קעמפפען פאר איהר אויף אן אנדער וועג. אבער מיר עהרען און אכטען יעדען וואס מיינט עהרליך און אויפריכטיג, וואס שטרעבט צו העלפען דעם פאלק, צו פערשפרייטען ליכט וואו עס הערשט פינסטערניס, צו טרייבען שנעלער דיא ראד פון פראגרעס און דארום בעדויערן מיר פון גאנצען הארצען זיין פריהצייטיגען טויט און רופען אויס :—

עהרע זיינעם אנדענקען !

פ. קראנץ.

# פורים.

## נאכפאָרשונג איבער דיזען יום טוב.

פאָרשער פון אידישער געשיכטע און ביבעל־קריטיקער זיינען דער מיינונג, אז פורים איז ניט קיין אידישער יום טוב. זיי האלטען, אז דאס איז א פייערטאג, וועלכען דיא אידען האבען איבערגענומען פון דיא פערסיער און אין לויף פון דער צייט איהם ערקלערט פיר אן אייגענעם. דיזע מיינונג איז ניט געגריפען פון דער לופט; עס זיינען דאָ בעווייזע, וועלכע בעשטעטיגען זיא.

דיא הויפט־בעווייזע, וועלכע אונטערשטיצען דיא מיינונג, אז פורים איז אורשפרינגליך ניט געווען קיין אידישער יום טוב, זיינען דיזע פיער: 1) דער וואכעדיגער כאראקטער פון פורים; 2) דער מנהג צו טרינקען דיזען טאָג; 3) דיא אונוואהרשיינליכקייט פון דער געשיכטע פון מגילת אסתר; 4) דער פאקט, דאס דיא אידישע חכמים האבען מגילת אסתר ניט געוואלט אנערקענען אלס הייליגעם בוך. איך וועל דיזע פונקטען צוגליעדערען און זיי דייטליך ערקלערען אין דער אָרדנונג, אין וועלכער איך האב זיי דאָ געגעבען.

פון אלע אידישע ביבלישע ימים טובים צייכענט זיך פורים אויס מיט זיין ניט־הייליגען כאראקטער. וועהרענד פסח, שבועות, סכות האבען ארום זיך א קדושה און ווערען געפייערט מיט גרויס ערנסט, האט פורים א וואכעדיגען כאראקטער און ווערט געפייערט בלויז וויא א וועלטליכער לוסטיגער טאג. דיא פרימסטע אידען בעטראכטען דיזען יום טוב מיט ווייניג ערנסט. אין רוסלאנד און פוילען איז ביי אידען זאגאר דאָ א ווערטעל: „פורים ניע סוויאטא, טראסצא ניע כוואראבא", וועלכעס מיינט: „פורים איז ניט קיין יום טוב, קדחת איז ניט קיין קריינק". ווען מען זאָל אננעהמען, אז דיא געשיכטע פון פורים איז וויא עס ווערט ערצעהלט אין מגילת אסתר, איז דיזער יום טוב אין ווידערשפרוך מיט דעם אידישען גייסט. וויא קומט עס, דאס אידען, וועלכע זיינען געווען געוואהנט אפילו קליינע פאסירונגען אין זייער געשכיטע צו פייערן מיט ערנסטע צערעמאָניען, האבען פיר אזא וויכטיגע בעגעבענהייט, וויא דיא רעטונג פון א פאָלשטענדיגער פערניכטונג, איינגעפיהרט אזא פאיאצען־יום־טוב וויא פורים? דער בעריהמטער אידישער קריטיקער יצחק שמואל רייגיו פרעגט מיט רעכט: „צו דען דערמיט בעצאהלען אידען זייער שולדיגקייט צו זייער ערלעזער, וואס זיי שטאָפען אָן זייערע מאָגענס מיט פלייש און וויין, וויא מרדכי האט פיר זיי פעסטגעשטעלט און וויא דער מנהג איז נאָך היינט צו טאָג?*) אלס יום טוב צום אנדענקען פון אזא וויכטיגער בעגעבענהייט האט פורים ביי אידען געדאַרפט האבען אזא הייליגקייט וויא פסח, לכל הפחות וויא שבועות אדער סכות. מען מוז אלזא אננעהמען, אז מגילת אסתר איז ניט דיא געשיכטע פון פורים, און ווען דיזער יום טוב בלייבט אהן א אידישער היסטאָריע געהערט ער ניט צו אידען, דאס הייסט, קומט ער ניט פון א אידישען מקור.

פייערן א יום טוב דורך טרינקען איז אן און פיר זיך ניט קיין ווידערשפרוך מיט דעם אידישען כאראקטער. ביי אידען זיינען שטאַרקע געטרענקע קיין מאָל ניט געווען פערבאָטען. אידען האבען אויף שמחות געטרונקען משקאות, ווען זיי זיינען נאָך געווען אין זייער אייגענעם לאנד און זיי האבען זיך ניט ענטזאגט פון טרינקען אויך נאָך דעם וויא זיי זיינען געוואָרען פערשפרייט צווישען דיא פעלקער, אבוואהל זיי צייכנען זיך אין דעם אויס מיט זייער מעסיגקייט. מען קען אידען זעהען טרינקענדיג לכבוד יעדען יום טוב, אבער דאס איז ניט מעהר וויא פון צערעמאָניע, וויא פיר דעם צוועק פון קידוש און ארבע כוסות אום פסח, און דאס גאנץ ווייניג.

*) מפתח אל מגילת אסתר, וויען, תר"א.

גיט ביז שכרות יעדענפאלס. שמחת תורה, אמת, קען מען אידען מאנכעמאל זעהען טרינקענדיג ביז שכרות, אבער עס איז פיר זיי ניט קיין ח י ו ב אזוי פיעל צו טרינקען דיזען יום טוב. דאס טרינקען אין פורים איז גאנץ אנדערס. אויסער דעם, וואס עס ליעגט דערין צולאזענקייט און עס גרייכט ביז שכרות, איז עס לויט דעם תלמוד אויך א פליכט. רבא זאגט (מגילה ז׳ ע״ב): „מיחייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי“, דאס מיינט: „מען איז פ ע ר פ ל י כ ט ע ט צו טרינקען אין פורים אזוי פיעל, דאס מען זאל ניט קענען אונ־טערשיידען צווישען די פראזען א ר ו ר ה מ ן און ב ר ו ך מ ר ד כ י. און ניט צופריעדען מיט דיזע ווערטער אליין ברייננט די גמרא גלייך נאך זיי א ביישפיעל, וואס איללוסטרירט ווי ווייט דאס טרינקען אום פורים דארף געהן. זיא דערצעהלט נעמליך, דאס אויף א סעודת פורים, וואס רבה און רבי זירא האבען געמאכט, איז דער ערסטער געווארען אזוי בעטרונקען, דאס ער האט דעם צווייטען געקוילעט.**) א חיוב צו טרינקען ביז שכרות, און אויך אזא ווילדע ארט, שטימט ניט מיט דעם אידישען גייסט און דאס לאזט זיך ניט ערקלערען, סיידען מען זאל אננעה־מען, אז פורים איז אורשפרינגליך געוועזען א פ ע ר ס י ש ע ר יום טוב. דער בעריהמטער ענגלישער היסטאריקער פארשער, דזשארדזש ראלינסאן, זאגט איבער פערסיען אונטער אנדע־רע זאכען אזוי: „שכרות איז דארטען געווען אן ארט אינסטיטוציאן. איינמאל אין יאהר, אין דעם יום טוב פון מיטהראס (דער גאט פון ליכט אדער זונען־גאט) איז דער קעניג פון פערסיען גע־וועזן פ ע ר פ ל י כ ט ע ט צ ו ז י י ן ש כ ו ר. עס איז געווען אן אלגעמיינער מנהג צו בעשפרע־כען אלע וויכטיגע זאכען אונטער דעם איינפלוס פון וויין***).

מגילת אסתר ווערט אנגענומען אלס דיא געשיכטע פון פורים. דיא מעשה, וועלכע ווערט אבער אין דיזען ביבלישען בוך דערצעהלט, האט ניט דעם שיין פון וואהרהייט. דיא גאנצע געשיכ־טע קלינגט עפעס ווי א בבא מעשה. אחשורוש, וועלכער רעגיערט איבער הונדערט און זיעבען און צוואנציג מדינות, גיט א מאהלצייט פיר הונדערט און אכטציג טעג (!) און ביי דיזען מאהלצייט זיינען אנוועזענד צו איין צייט א ל ע בעאמטע פון דיא 127 מדינות! מרדכי, א איד, וועלכער איז פריהער אונבעקאנט דעם קעניג אחשורוש, דרעהט זיך ארום אין דעם קעניגליכען הויף וויא א בן־בית און ער ענטזאגט זיך צו געבען רעספעקט צו המן׳ען, וועלכער איז דער צווייטער אין ראנג נאך דעם קעניג. דער ווילדעס־טער שונד־ראמאן איז נאטירליכער וויא דיא געשיכטע פון מגילת אסתר. אין דער גאנצער ביבעל, וואו עס ווערען דערצעהלט וואונדער גע־נוג, איז ניטא קיין גלייכען צו דיזער היסטאריע. פסח, צום ביישפיעל, איז איינגעוויקעלט אין נסים — דיא צעהן מכות און דיא שפאלטונג פון ים — אבער דער עיקר פון דער געשיכטע איז א וואהרשיינליכער: א פאלק איז געווען פער־קנעכטעט און איז ענדליך, אונטער א מוטהיגען פיהרער, אויפגעשטאנען און זיך בעפרייעט. דיא געשיכטע פון פורים האט דוקא ארום זיך ניט קיין צויבער־וואונדער, אלע איינצעלהייטען זיי־נען פון דער פיזישער וועלט, אבער זיי הויבען ניט אן צו קלעפען. א חוץ דעם דארף מען וויסען דאס עס זיינען ניטא קיין שום אויסווערטיגע קוועלען, וואס זאלען אין אירגענד וועלכער וויזע אונטערשטיצען דיא געשיכטע פון מגילת אסתר. אין דער היסטאריע פון פערסיען ביי הערראדא־טוס איז גאר קיין זכר ניטא פון אן אנגריף אויף אידען אין פערסיען. דיזער געשיכטע־שרייבער, וועלכער איז בעריהמט אלס „דער פאטער פון היסטאריקער“, האט געלעבט אין דעם פינטפען יאהרהונדערט פאר קר., קורץ נאך דער צייט, ווען דיא געשיכטע פון המן׳ס רדיפות האט גע־דארפט פארקומען****). און דאך ווערט ביי איהם דערפון גאר ניט דערצעהלט. הערראדאטוס

---

**) דיא גמרא ברייננט ווייטער, אז רבה האט אויף מארגען תפלה געטהאן צו גאט און רבי זירא איז לעבעדיג געווארען. אבער דאס האט מיט אונז ניט צו טהאן!

***) „דהי סעווען גרעיט מאנארקיס“, ניו יארק, באנד 2, ז. 357.

****) אחשורוש איז אין דער ביבעל דער נאמען פון מעהרערע פערזישע קעניגע (ז. דניאל ט, א; עזרא ד, י). דער אחשורוש פון דער מגילה איז לויט דיא בעסטע בערעכנונגען געווען דער פערסישער קעניג קסערקסעס, וועלכער האט רעגיערט פון 486 ביז 465 פאר קר. דער אנהאלטס־פונקט, וועלכען מען האט, זיינען דיא ווערטער „אשר הגלה“ (אסתר ב, ו), וואס בעציהט זיך לויט מאנכע אויף מרדכי׳ס עלטער־זיידען קיש, וועלכער זאל געווען זיין פון דיא ערסטע פער־טריבענע אין בבל. דיא פערשיקונג פון אידען נאך בבל האט שטאטגעפונען אין 586 פאר קר.

בעריכטעט דיא מינדעסטע קלייניגקייטען פון דיא פערסיער און זייערע בעציעהונגען צו אנדערע פעלקער, און וועגען דיזער בעגעבענהייט איז ביי איהם ניטא אפילו א וואונק. אזא וויכטיגער פאל, וויא דער פלאן צו פערניכטען א ראסע, וואלט געוויס ביי איהם ניט געבליעבען אונבעמערקט, ווען דאס וואלט געוועזן א טהאטזאכע. ווען, אלזא, אזא זאך האט ניט פאסירט, איז דאך פורים ניט קיין יום טוב צום אנדענקען פון א אידישער געשיכטליכער בעגעבענהייט.

נאר וואס האבען מיר דא פיעל צו טענה'ען, אונזערע אלטע חכמים, וועלכע האבען יעדען אות פון דער ביבעל געהאלטען פאר הייליג, האבען אויך געצווייפעלט אין דיא וואהרהייט פון מגילת אסתר. דיא גמרא זאגט (מגילה ז' ע"א): „אמר רב יהודה אמר שמואל אסתר אינה מטמאה את הידים למימרא דסבר שמואל אסתר לאו ברוח הקדש נאמרה", ד. ה.: „רב יהודה זאגט אין דעם נאמען פון שמואל, דאס מגילת אסתר פ ע ר א ו נ ר י י נ י ג ט ניט דיא הענד, צו זאגען, דאס שמואל האלט, אז אסתר (מגילת אסתר) איז ניט געזאגט געווארען מיט'ן רוח הקודש".... עס געפינען זיך מעהרערע אזעלכע שטעלען אין דער ראבינישער ליטעראטור. נור איך האב ניט אונטער דער האנד דיא ביכער, אום אנצוצייגען פינקטליך דיזע שטעלען. איך קען דא אבער ברייגנען וואס דער געלעהרטער שמואל יוסף פין זאגט אין דיזען ענין אין זיין „דברי הימים לבני ישראל". ער זאגט נעמליך: „ומכמה וכמה מאמרים לחכמינו באגדה בתלמוד בבלי וירושלמי נראה שהיתה קבלת מגילת אסתר בין הכתובים קשה לחכמי ישראל. והרב הרנ"ק (הר' נחמן קראכמאל) האריך בזה הרבה והעלה מדבריו שלפי שלא נזכר במגלה זו שם משמות הקדושים לא היו רוצים להעלותה במעלות קדושת כתבי הקדש". (5) דיא איבערזעצונג פון דיזע ווערטער איז: „פון מעהרערע און מעהרערע אויסגעשפראכענע מיינונגען פון אונזערע חכמים אין אגדה, אין תלמוד בבלי און ירושלמי זעהט מען, דאס עס איז פיר דיא אידישע חכמים געוועזן שווער אויפצונעהמען מגילת אסתר צווישען דיא אנדערע ביכער פון דער הייליגער שריפט. הרב נחמן קראכמאל האט זיך וועגען דעם שטארק פערברייטערט און דער שלוס פון זיינע ווערטער איז, דאס מען האט דיזע מגילה ניט געוואלט ערהייבען צו דער שטופע פון הייליגקייט, וויא דיא אנדערע ביכער פון דער ביבעל, ווייל אין איהר ווערט ניט דערמאהנט קיין איינער פון די הייליגע נעמען (פון גאט)".

צו דיזע ווערטער מוז נאך צוגעזעצט ווערען דיא מיינונג פון דר. צונץ, וועלכער זאגט: דער נאמען פון גאט קומט ניט אין דער מגילה מחמת דאס וואלט געווען א חלול השם. ער מיינט דערמיט איינפאך, דאס דער שרייבער פון דער מגילה האט זיך ניט געקענט בענוצען מיט דעם נאמען פון גאט אין א געשיכטע, וועלכע איז ניט אמת, אין א געשיכטע, אין וועלכער גאט האט ניט געשפיעלט קיין ראלע אלס רעטער א. ז. וו. ווען דיא געשיכטע פון פורים וואלט געווען וויא זיא ווערט ערצעהלט אין מגילת אסתר, וואלט ווירקליך געוועזען א וואונדער, ווארום מרדכי און אסתר האבען דיא אידען אנגעזאגט דיזען טאג בלויז צו עסען, טרינקען, שיקען געשענקע און מיט קיין איין ווארט ניט דערמאהנט, אז זיי זאלען דאנקען און לויבען דעם גאט פון ישראל פיר דיא ישועה, וועלכע ער האט זיי געשיקט.

דער גרויסער פארשער, דר. צונץ, ערקלערט פורים אויף פאלגענדען ארט: אין דער צייט און נאך דער צייט פון גלות בבל זיינען אידען אין רעליגיעזער הינזיכט בעאיינפלוסט געווארען פון דיא נאציאנען, צווישען וועלכע זיי האבען געלעבט. עס איז געוועזען דיא טאקטיק פון דיא אידישע חכמים אנצונעהמען דיא נייע מנהגים פון פאלק אזוי ווייט, וויא זיי האבען עס געקענט אהן שאדען פון זייער רעליגיאן. דער פרעהליכער און וועלטליכער יום טוב פורים איז ביי אידען געוועזן זעהר בעליעבט. דיא אידישע רעליגיאנס־געלעהרטע האבען בעשלאסען איהם צו געבען עטוואס א געהייליגטען אנזעהען און האבען איהם דעריבער פערבונדען מיט דער געשיכטע פון דער אידישער נאציאן. זיי האבען אבער אויסגעלאזען דעם נאמען פון גאט פון דיזער אויסגעטראכטע געשיכטע, ווייל דאס וואלט געהייסען חילול השם. 6)

נאך א פארשער פון אידישער היסטאריע, דר. קינען, זאגט: פורים איז אורשפרינגליך געווען א פערסישער יום טוב, וועלכען אידען האבען אנגענומען אין פערסיען און שפעטער אין

5) דברי הימים לבני ישראל, ווילנא תרנ"ד, ח"ב, ז. 133.

6) ציטירט אין ארטיקעל „אסתר" אין „ענציקלאפעדיא בריטאניקא".

אנדערע לענדער, און דער צוועק פון דעם פער־פאסער פון מגילת אסתר איז געווען צו מאכען דיזען יום טוב מעהר אלגעמיין. 7)

דער בעריהמטער העברעאישער לעקסיקא־גראף, יוליוס פירסט, איז משער, אז פורים איז געווען א פערסישער פריהלינגס־יום טוב; ער געפינט א קליינע בעשטעטיגונג דאפיר אין דעם נאמען זעלבסט, דען „פור" איז אין דער אויס־שפראכע פיעל עהנליך צו דעם פערסישען ווארט „בהאר", וועלכעס בעדייטעט פריהלינג. 8) דיזע השערה איז זעהר א'ן אינטערעסאנטע און האט אין זיך עטוואס וואהרשיינליכעס. דער פריהלינגס־מאנאט אפריל, אין וועלכען אונגע־פעהר פורים ווערט געפייערט איז ביי פיעלע פארצייטיגע פעלקער געווען א מאנאט פון פרייד און פערגניגען. דיא רוימער האבען דעם ערסטען טאג פון דיזען מאנאט געפייערט לכבוד ווענוס (דיא געטין פון ליעבע), און וועלכער דער רייץ פון דער וויעדעראויפלעבענדער נאטור האט זיי עראינערט. פון דיא רוימער, דענקט מען, איז דיזער מנהג איבערגעגאנגען צו נאך אנדערע אייראפעאישע פעלקער. עס איז א סברא, אז דער היינטיגער לוסטיגער 1טער אפריל איז א'ן איבעררעסט פון א פארצייטיגען פריהלינגס־יום טוב, דיזער לוסטיגער טאג האט זיך אין פריהערדיגע צייטען אויסגעצייכענט מיט בע־זאנדערער לוסטיגקייט. איינער פון דיא שפאַ־סען, וואס מען פלעגט דיזען טאג אויפטהאן, איז געווען אויסצופוצען אימיצען וויא א פאיאץ און איהם שיקען אויף פוסטע געננג. דאס ער־אינערט פיעל אן דעם אידישען פורים־שפיע־לער!

7) אין זעלבען ארטיקעל.

8) העברעאישער און כאלדעאישער לעקסיקאן, אונ־טער דעם ווארט „פור".

איך וועל דא נאך בריינגען די פורים־טהעא־ריע פון יצחק שמואל ריגיו אין זיין „מפתח אל מגילת אסתר". ער איז אויך פון דער אנזיכט, אז פורים איז ניט קיין אידישער יום טוב, אבער ער גיט א גאנץ אנדערע ערקלערונג דאפיר. זיין ערקלערונג איז געשטיצט אויף דיא אפאקריפי־שע צוזעצונגען צו אסתר,9) וועלכע ווייכען אב פון דער ערצעהלונג אין דער מגילה. לויט דער ער־צעהלונג אין דיזע צוזעצונגען, איז המן געווען א מאצעדאניער, וואס האט געמאכט א פערשווע־רונג געגען אחשורוש'ן און געגען פערסיען. מרדכי האט אויפגעדעקט דעם פלאן און המן איז געווארען זיין שונא. צוליעב דיזע רעטונג פון זיין פערזאן און פון זיין גאנצען לאנד האט אחשורוש ארויסגעגעבען א בעפעהל מיט דיזע ווערטער: „עס געפינט זיך צווישען אונז א פרעמדער, זיין נאמען איז המן בן המדתא פון מאצעדאניען... ער האט זיך ערלויבט מיך צו וועלען אראבזעצען פון מיין טהראן, צו נעהמען מיין לעבען... און איבערצוגעבען פערסיען צו דיא מאצעדאניער... אלזא, זאלט איהר אויסער דיא אנדערע ימים טובים פון יאהר אויך פייערן דיזען טאג". דיזען בעפעהל האט אחשורוש געגעבען צו אלע פעלקער פון זיינע מדינות, ניט נאר צו אידען אליין.

נאר דיא אפאקריפישע צוזעצונגען זיינען געשריעבען געווארען פון שפעטערדיגע אונ־בעקאנטע פערפאסער און ווערען געהאלטען פיר אונגלויבווירדיג. אויסער דיזען טהייל איבער המן'ס פערשווערונג זיינען דיא צוזעצונגען נאך מעהר איבערטריעבען וויא מגילת אסתר.

9) זיי זיינען דא אין העברעאישע איבערזעצונג אונטער'ן טיטעל „חלוק מרדכי ואסתר".

Hipppens.

## הארץ און טוח.

אויף דעם שלייפשטיין פון ערפאהרונג
ווערען ש א ר פ ע ר דיא געדאנקען
פונעם שלייפען שפריצען פונקען
און רעיונות נייע בלאנקען...

אויף דעם שלייפשטיין פון ערפאהרונג
ווערט דאס ארעם הערץ צושייערט
פונעם שלייפען ווערט ער ש ט ו מ פ ע ר,
מעהר פערביטערט און פארזייערט...

דענוועה, קאלא. י ה ו א ש.

# נאַציאָנאַליטעט און וויסענשאַפט.

1.

דענקער, דיכטער פּאָליטיקער און פּראָפעסאָרען בעשעפטיגען זיך איצט אָפט אין ערנסט מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע. פערשיעדען קוקט מען אויף'ן נאַציאָנאַליזמוס. נעבען דיא מאַסען מענשען, וואָס בעזינגען אויף אַלע אופנים און אַלע טענער דעם נאַציאָנאַליזמוס, דיא נאַציאָנאַלע געפיהלען און שטרעבונגען, געפינען זיך ניט וועניגע, וואָס זיינען פערברענטע געגנער פון דיא זעלבע. דער בעוואוסטער דייטשער פילאָזאָף פריעדריך ניטשע, בעקלאָגט זיך, „איבער דיא קרענקליכע ערווייטערונג, וועלכע דיא נאַציאָנאַלע משוגעת האָט שוין אריינגעבראכט צווישען דיא פעלקער פון אייראָפּאַ און בריינגט נאָך אַלץ מעהר אריין.“ דער בעוואוסטער דייטשער געשיכטשרייבער און אַנטיסעמיט, טרייטשקע, רעכענט אויף דעם נאַציאָנאַלען געדאַנק „צו דיא פוסטע, אויסגעטראַכטע מעשיות, וואָס פערדרעהען אַלעמען דעם קאָפּ“.

איין זאך זיינען אבער אַלע מודה.. מען אַנערקענט, אַז „דער נאַציאָנאַלער געפיהל, וואָס הערשט איצט אין פּאָליטישען לעבען, אין פּאָעטישען געפיהל און אין דער קולטורעלער ענטוויקלונג פון דיא אייראָפּעאישע פעלקער איז עפּעס נייעס, איבערראַשענדעס“. (ריכטער). אַז דיא נאַציאָנאַלע פראַגע אין 19טען יאהרהונדערט איז עפּעס א נייעס, זעהט מען פון דעם, וואָס קיינער פון דיא גרויסע פילאָזאָפען פון קאַנט אָן, האָט ניט געהאַלטען פאַר וויכטיג דאַמיט זיך צו בעשעפטיגען. אַ'ן אויסנאַהמע מאַכט נור איין גרויסער פילאָזאָף פון 19טען יאהרהונדערט, פיכטע. ראַדיגער, דער בעוואוסטער געלעהרטער, זאָגט קורץ און קלאָר: „דיא נאַציאָנאַליטעט געהערט צו אונזער יאהרהונדערט“.

אויך דיא וויסענשאַפטען וואָס בעשעפטיגען זיך מיט דיעזער פראַגע, געהערען דעם נייןצעהנטען יאהרהונדערט. דריי וויסענשאַפטען מאַכען פּרעטענזיעס, וויא צו פערענטפערן דיא נאַציאָנאַלע שוועריגקייטען. יעדע פון זיי בעהאַנדעלט דיא פראַגע פון אַ פערשיעדענע זייט, אונטערזוכט איהר נאָך אַ בעזונדערע מעטהאָדע, און קומט צו איהרע אייגענע — אָפט גאַנץ פערשיעדענע רעזולטאַטען.

דיא ערשטע איז דיא עטנאָלאָגישע גרופּע פון וויסענשאַפטען. (דיא לעהרע פון פעלקער בעשרייבונג, פון פעלקער־קענטנים.) זיא בעטראַכט דעם מענשען, וויא אַ בעזונדערע מין נאַטור־בעשעפענים און בעהאַנדעלט איהם נאָך דער מעטהאָדע פון אַלע איבריגע נאַטור־וויסענשאַפטען. דער בעשעפענים „מענש“ ענטוויקעלט זיך. זיא אונטערזוכט דיא נאַטורגעזעטצען פון ירושה, פון דעם צופּאַסען זיך צו דעם קלימאַט, לאַנד, אַ. אַז. וו., זיא האָט צו טהאָן מיט דיא קערפּערליכע אונטערשיעדע, וויא דיא פאַרב פון הויט, האָאַר און אויגען, דיא פערשיעדענע פאָרמען פון מוח, דעם אונטערשיעד אין דיא מוסקלען, אַ. אַז. וו. דער צוועק פון איהרע אונטערזוכונגען איז צו בעשטימען, וועלכע ראַסען עס עקזיסטירען, ווער זיינען ריינע ראַסען, ווער געמישטע?

איהרע נאַכפאָרשונגען זיינען געוויס וויכטיג, אינטערעסאַנט, אַ גוטער מאַטעריאַל צו אורטהיילען איבער פערשידענע ראַסען, זייער כאַראַקטער און פעהיגקייטען. אבער צו קען זיא פערענטפערן דיא נאַציאָנאַלע פראַגע?

גאַנץ געוויס ניט. ערשטענס, איז ראַסע גאָר ניט דאָסזעלבע וואָס נאַציאָן. דיא עטנאָלאָגיע האָט גאָר קיין רעכט ניט צו רעדען וועגען נאַציאָנען. אמת, דיא ראַסענפאַנאַטיקער מיינען אַנדערש, זיי ווילען דיא רעזולטאַטען פון זייער וויסענשאַפט מאַכען פאַר דעם פונדאַמענט אויך פון פּאָליטיק. אויף דעם פונדאַמענט האָט נאָך פאַר 50 יאהר דער פראַנצויזישער געלעהרטער גאָבינאָ אויפגעשטעלט זיין טהעאָריע, נאָך וועלכער דיא גאַנצע היסטאָריע איז ניט מעהר וויא דיא היסטאָריע פון קעמפּפע צווישען פערשיעדענע ראַסען. דיא ראַסען זיינען אייביג, זיי קענען זיך פערענדערען נור דורך בלוט־מישונג. נור דיא ווייסע ראַסע איז פעהיג צו שאַפען אַ קולטור, אבער זיא אַליין ווערט וואָס ווייטער אַלץ מעהר פערדאָרבען דורך צומישונג פון פרעמדע בלוט.

פון גאָבינאָ אָן איז דיזעלבע טהעאָריע אויף פערשידענע אופנים געפּרעדיגט און געדרעהט געוואָרען אויף אַלע זייטען. אייגען דיורינג מיט זיין ראַסען־אַנטיסעמיטיזמוס פאַר 20 יאָהרען; אַמאָן דרייזמאַנס און סטואַרט טשעמבערליין מיט זייערע ערקלערונגען פון ראַסען־אינסטינקטען פון דיא אייראָפּעאישע פעלקער אין דער נייעסטער צייט און צו זיי נאָך אַ גאַנצע מחנה אַנדערע. אבער „ווער עס קען דיא ראַסען־ליטעראַטור, דער ווייס, וויא ווייניג קערנדלאך פון געדאַנקען מען קען דאָרט געפינען אין דיא גאַנצע קופּעס אונגלויבליכע פאַנטאַזיען, פוסטע געדאַנקען און פראַזען געגען אַלץ וואָס עס איז מענשענפריינדליך און פּראָגרעסיוו“. (הערץ.)

צווייטענס, זעהט מען אויף יעדען טריט, אַז דיא טהעאָריען, וואָס קוקען אויף דיא נאַציאָנאַלע פראַגען, וויא אויף אַ ראַסען־פראַגע זיינען פאַלש, שטימען ניט מיט דיא פאַקטען פון דער היסטאָריע. קיינע פון דיא אייראָפּעאישע נאַציאָנען שטאַמט ניט פון ריינע, בעזונדערע ראַסען; קיין ראַסע בעשטעהט ניט פון איין נאַציאָן. צו וועט ווער דען לייקענען, אַז דיא ענגלענדער זיינען איין נאַציאָן, כאָטש זיי שטאַמען אָב פון אַ צומישונג פון ראַסען: זאַקסען, קעלטען און ראָמאַניזירטע נאָרמאַנען? דאַסזעלבע איז מיט דיא פראַנצויזען, דייטשען און דערגלייכען.

דריטענס, זיינען דיא רעזולטאַטען פון עטנאָלאָגיע אַליין ניט פעסט, ניט זיכער, ניט איבערצייגענד. חלוקי דעות עקזיסטירען אין דיא הויפּטפּונקטען פון דיזער וויסענשאַפט. ניט די צאָהל, ניט דער אַרט פון דיא ראַסען זיינען פעסט בעשטימט.

דערצו נאָך שטימען גאָר ניט מיט'ן סאָציאַליזמוס אַלע אויספיהרונגען פון דיא ראַסען־טהעאָרעטיקער אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. זייער גאַנצע שטרעבונג איז צו ווייזען, אַז ניט אַלע מענשען זיינען גלייך, ניט אַלע קענען זיך גלייך ענטוויקלען. דעריבער, זאָגען זיי, מוזען זיין העכערע, הערשענדע „פיהרענדע“ ראַסען און ניעדריגערע, אונטערדריקטע, „געפיהרטע“ ראַסען. אבער פאַר אַזוינע שטרעבונגען קענען מיר סאָציאַליסטען געפינען נור ווערטער פון פּראָטעסט און פעראַכטונג. פאַר אונז זיינען אַלע מענשען גלייך, אַלע ראַסען אָדער נאַציאָנען האָבען דאָס רעכט אויף גלייכע פריהייטען. אויב איין פאָלק איז מעהר פעהיג פאַר דעם אַנדערען, איז איהם גוט, איז אויך גוט פאַר דיא גאַנצע וועלט. אבער מיר קענען קיין מאָל ניט האַלטען און צולאָזען, אַז דער ווייניגער פעהיגער, דער ווייניגער קלוגער און שטאַרקער זאָל זיין דערפאַר אונטערדריקט פון דיא אַנדערע. דערצו שטרעבען אבער די מייסטע ראַסען־טהעאָרעטיקער.

2.

דיא עטנאָלאָגיע און דיא ראַסען־טהעאָריען קענען ניט ערקלערען און בעראַנטפערן דיא נאַציאָנאַלע פראַגע. דאָס פּרובירט אבער טהון דיא סאָציאָלאָגישע גרופּע פון וויסענשאַפטען, (דיא לעהרע פון דער מענשליכער געזעלשאַפט). דיא סאָציאָלאָגיע האָט שוין צו טהון מיט דעם מענשען אַלס בעשעפענים, וואָס דענקט, פיהלט און האָט פערלאַנגען; זיא אונטערזוכט די פאָרמען, אונטער וועלכע מענשען לעבען צוזאַמען. דיא סאָציאָלאָגיע ערקלערט, וויא אַזוי נאַציאָנען ענטשטעהען, וויא אַזוי זיי ווערען פעראייניגט דורך דיא בענדער פון געמיינזאַמע עקאָנאָמישע אינטערעסען, דורך דיא געמיינזאַמע מלחמה פיר דיא עקזיסטענץ, וואָס ווערט געפיהרט מיט דער קאַרגער נאַטור און מיט אַנדערע גרופען. דיא סאָציאָלאָגיע פאָרשט, וויא עס ענטוויקלען זיך גלייכע שפּראַכען, גלייכעס רעכט, גלייכע זיטען, א. ד. גל. פאַר דיא סאָציאָלאָגיע האָבען אַזעלכע סמנים, וויא דיא זעלבע שפּראַך, זיטען און מנהגים, אפילו אַזעלכע קליינניגקייטען, וויא אַ גלייכער אלף־בית, מעהר בעדייטונג פאַר דיא בעשטימונג פון אַ נאַציאָן, איידער דיא קערפּערליכע סמנים און אונטערשיעדע.

דיא סאָציאָלאָגיע לערנט אונז, אַז אויך דיא נאַציאָנאַלע אחדות און פערבינדונג ווערען ארויסגערופען — וויא יעדע אַנדערע פערבינדונג פון גאַנצע גרופען מענשען — דורך דעם, וואָס זיי עקזיסטירען אונטער גלייכע, געמיינזאַמע אינטערעסען, קודם כל, גלייכע עקאָנאָמישע אינטערעסען. דורך דיא פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען פון יעדער צייט און יעדען אָרט ווערען בעשטימט דיא אופנים פון פערקעהר, וויא אָפט און וויא אַזוי מענשען בעגעגנען זיך איינע מיט דיא אַנדערע, וויא זיי טוישען אויס דיא פּראָדוקטען פון דער ארבייט, אויך פון דער ארבייט אַליין. דער קאַמפּף פאַר דיא עקזיסטענץ און פאַר אייגענטהום רופט ארויס פון איין זייט דיא טהיילונג פון מענשען, דיא שפּאַלטונג אין קלאַסען, א. אז. וו. פון דער אַנדערער זייט

אַבער פיהרט ער צו פעראייניגונג פון מענשען, צו בילדונג פון חברות און אחדות.

אויף דיזען וועג זיינען ענטשטאַנען פערשיעדענע נאַציאָנען אזוי וויא פערשיעדענע מלוכות. עס איז זעלבסטפערשטענדליך העכסט וויכטיג און אינטערעסאַנט נאכצופאָרשען, וויא אזוי דיא נאַציאָנען זיינען ענטשטאַנען, צו וויכען וועלכע נאַציאָנען עס האָבען עקזיסטירט, וועלכע עס עקזיסטירען, וויא אזוי עס ענטוויגעלט זיך דאָס נאַציאָנאַלע געפיהל, אבער דאָס אַלעס, וואס דיא סאָציאָלאָגיע גיט אונז, קען דאָך ניט פערענטפערן דיא הארבע שאלה, וואס אינטערעסירט אונז, וואָס אינטערעסיט אַלע פאָליטישע פאַרטייען און וואָס ווערט איצט אזוי לעבעדיג דעבאַטירט אין דער סאָציאַליסטישער וועלט.

מיר האָבען געזעהן אין לעצטען ארטיקעל, אַז דיא נאַציאָנאַלע פראַגע איז אַ פאָליטישע פראגע. מיר האָבען שוין ערקלערט, אַז דיא נאַציאָנאַלע פראגע בעשטעהט אין דעם : וויא קען מען מאַכען און וואָס זאָל מען טהון, אַז אַ מלוכה וואו עס וואָהנען פערשיעדענע נאַציאָנען זאָל איינע ניט הערשען, ניט אונטערדריקען דיא אַנדערע ? וואָס דאַרף מען טהון, אַז אַלע נאַציאָנען פון אַזאַ שטאַאט, דיא גרויסע וויא דיא קליינע, דיא פעהיגע און דיא רייכע וויא דיא אָרימע און ניעדערגעשלאָגענע זאָלען זיין גלייך אין זייערע פרייהייטען און אין זייערע נאַציאָנאַלע רעכטע ?

דיא פראַגע איז אַלזאָ אַ ריין פאָליטישע פראגע, ווייל עס האנדעלט זיך דערביי וועגען דיא בעציהונגען פון מענשען צום שטאַאט און ווייל פון איהר פערענטפערונג העננען אָפּ דיא רעכטע און פרייהייטען פון מענשען. אבער וויא באַלד אזוי, צו קען דיא סאָציאָלאָגע אונז געבען אַ תשובה אויף דיא נאַציאָנאַלע פראגע ? צו קענען מיר האַלטען דיא רעזולטאַטען פון איהרע פאָרשונגען פאַר אזוי וויכטיג אין דער הינזיכט, אַז מיר זאָלען זאָגען : דיא נאַציאָן, וועלכע דיא סאָציאָלאָגיע האַלט פאר אַ פאָלשטענדיגע נאַציאָן מיט אַלע סמנים — דיא דאַרף האָבען פולע רעכטע, דיא אַנדערע ניט ?

דיא אַנטוואָרט אויף דיעזע פראַגע איז קלאָר און קורץ : ניין. מיר רעדען שוין ניט דערפון, וואס פאַר אַ'ן אונרעכט עס וואָלט געוועזען צו זאגען צו מענשען : איהר טאָרט זיך ניט פיהלען פאַר אַ נאַציאָן, ווייל איך פעהלען דיא און דיא סמנים. אייערע נאַציאָנאַלע געפיהלען מוזען זיין בעהאַנדעלט פון דער מלוכה ערגער, ווייל נאָך דער וויסענשאַפט קומט אויס, אז איהר דאַט גאָר ניט געדאַרפט האָבען אַזעלכע נאַציאָנאַלע געפיהלען. אבער אויסער דיא אונגערעכטיגקייטען, וואָס וואָלטען ארויסגעקומען דערפון, שטעהט דיא זאַך אַזוי, אַז פאַקטיש קוקט דיא סאָציאָלאָגישע וויסענשאַפט אויף דעם וואָס עס איז אַזוינס אַ נאַציאָן גאַנץ אַנדערס, וויא דיא פאָליטיק.

דיא פאָליטיק האָט צו טהון מיט דעם ווילען, מיט דיא האַנדלונגען פון דיא מאַסען. פאַר דעם פאָליטיקער איז דאָס נאַציאָנאַלע בעוואוסטזיין און נאַציאָנאַלע געפיהל פון דיא מאַכען צוליעב דעם אַזוי וויכטיג, ווייל דאָס רופט ארויס ביי דיא מאַסען געוויסע האַנדלונגען, געוויסע ווינשע און פערלאַנגען.

יעדער שטאַאט, וואָס וויל זיין אַ פרייער, גערעכטער שטאַאט, מוז זעהן וויא ווייט מעגליך צו גאַראַנטירען דיא פרייהייטען פון דיא מענשען, צו געבען זיי דיא רעכטע און צו ערפילען דיא ווינשע, וועלכע שטערען ניט דיא פרייהייטען און רעכטע פון אַנדערע מענשען. אַזוי מוז דער שטאַאַט האַנדלען וועגען איינצעלנע, אזוי וועגען גאַנצע גרופען.

אויב אַ געוויסע גרופע מענשען פיהלט זיך אַלס נאַציאָן, אויב זיא האָט געוויסע נאַציאָנאַלע פאָרדערונגען, דאַן מוז דער שטאַאט זעהען זיך אזוי איינצוריכטען, אַז איהרע נאַציאָנאַלע געפיהלען זאָלען בעפריעדיגט אבער ניט אונטערדריקט און בעקעמפפט ווערען.

קען דיא סאָציאָלאָגיע מיט אַלע דיא וויסענשאַפטען, מיט וועלכע זיא איז פערבונדען, ערקלערען, פאַר וואָס אַ געוויסע גרופע מענשען פיהלען זיך אַלס אַ געוויסע נאַציאָן ? אויב זיא קען ניט, דאָס איז גאַנץ גלייך פאַר פאָליטיקער. וויא באַלד אז דער פאַקט עקזיסטירט, וויא באַלד אַז געוויסע מענשען פ י ה ל ע ן זיך אַלס אַ בעזונדערע נאַציאָן, האַן איז שוין פאַר דיא פאָליטיק גענוג, דאַן מוז דיא פאָליטיק זיך דאַמיט רעכנען.

דיא נאַציאָנאַלע אחדות איז א ריין גייסטיגע אחדות. איהרע וואָרצלען ליעגען אין געפיהל, אין בעוואוסטזיין, אין דעם וואָס מענשען פיהלען זיך אַלס נאַציאָן, ווילען פערבלייבען אַ נאַציאָן און שטרעבען צו נאַציאָנאַלע איינהייט און פרייהייט. פאָליטיש פאָרדערן זיי, אַז מען זאָל זייא שטרעבונגען זייערע ערפילען. זיי פאָרדערן פון שטאַאט געוויסע נאַציאָנאַלע רעכטע.

נעהמט דאס שווייצער פאלק. ווען מען זאל איהם בעטראכטען סאציאלאגיש, בעשטעהט ער פון דריי נאציאנען: א טהייל זיינען דייטשען נאך דער אבשטאמונג, ריידען דייטש און אויך אין זייער קולטור זיינען זיי אין גאנצען אבהענגיג פון דער דייטשער קולטור („אין קולטור זיינען זיא שווייצער א דייטשע פראווינץ", האט זיך אויסגעדריקט א שווייצער פראפעסאר, א גאנץ עכטער שווייצער פאטריאט). דער אנדערער טהייל איז ניט וויי‌ניגער ענג פערבונדען מיט די פראנצויזען, דער דריטער מיט דיא איטאליענער.

און דאך איז דאס גאנצע שווייצער פאלק פאליטיש איין נאציאן, פיהלען זיך וויא איין נאציאן, לעבען אין איין רעפובליק, האבען זיך אזוי איינגעארדנעט, אז קיין „שפראכענפראגע" עקזיסטירט ניט ביי זיי. פרובירט אקארשט פארדערן, זיי זאלען זיך צוטהיילען אויף דיא נאציאנאלע טהיילען, פון וועלכע זיי האבען זיך צוזאמענגעשטעלט און צוזאמענגעשמאלצען!

קענען מיר זאגען, אז דאס איז ניט רעכט? אז דאס דארף אזוי ניט זיין און טאר אזוי ניט זיין? עס פעלט גאר קיינעם ניט איין צו טהון געגען דאס שווייצער פאלק. דאס וואלט אויך געווען אי אונגערעכט אי פאלש. אבער דאבזעלבע מוז מען האלטען פאר ריכטיג אויך וועגען אנדערע נאציאנען. אויך ביי אלע אנדערע נאציאנען דארף מען ניט נעהמען דיא כאציאלאגישע סמנים און פארדערונגען פאר דעם פונדאמענט פון דער פאליטישער אנטווארט אויף דער נאציאנאלער פראגע. אמת, א סך מענשען האלטען דיא שפראך פאר א הויפטפארדערונג פון „נאציאנאליטעט". אבער א בליק אויף דיא פערשפרייטונג פון דיא הויפט־שפראכען וועיזט, וויא פאלש עס איז זאגאר די שפראך צוצוגעבען אזא גרויסע בעדייטונג. וויא פיעל פערשידענע נאציאנען רעדען ענגליש, פראנצויזיש, שפאניש, אראביש! און אז איין נאציאן קען ריידען אויף פערשיעדענע שפראכען, האבען מיר שוין געזעהן ביי דיא שווייצער. מיר זעהען עס אויך אין דעם: בעת דיא פערשיעדענע ס ל א ווי ש ע נאציאנען פון עסטרייך האבען אלגעמיינע קאנגרעסען, דאן רעדט מען דארטען ד י י ט ש. איבערהויפט איז עס גאנץ פאלש דיא סמנים, דורך וועלכע דיא נאציאנאליטעט דריקט זיך אויסערליך אויס, צו האלטען פאר דעם תוך פון דער זאך אליין. דיא סמנים און עלעמענטען פון נאציאנאלען געפיהל זיינען: שפראך, אבשטאמונג, גלייכע אינטערעסען, גלייכע היסטאריע און טראדיציאנען, צוגעהעריגקייט צום זעלבען שטאאט, צו דערזעלבער רעליגיאן.

דאס אלץ ווירקט אויף דיא פאראייניגונג פון מענשען צו איין נאציאן, אין דעם קען זיך דיא נאציאנאליטעט אויסדריקען. דאס נאציאנאלע געפיהל האט אבער נעבען דיא אויסערליכע עלעמענטען און סמנים נאך איין א י נ ע ר ל י כ ע ן וויכטיגען סמן און עלעמענט: דאס איז דאס געפיהל פון א י י נ ה י י ט, פון דעם אז געוויסע מענשען געהערען איינע צו דיא אנדערע, אז איין נאציאן אונטערשיידעט זיך און איהר פ ס י כ א ל א ג י ע, אין איהרע געפיהלען און דענקען פון אנדערע. מיט איין ווארט, אין דעם וואס איין נאציאן איז א גייסטיגע און קולטירעלע אינדיווידואליטעט (בעזאנדערהייט.)

דיא אויסערליכע סימנים קענען פארקומען ניט אלע מיט אמאל. אייניגע קענען פעהלען ביי פערשיעדענע נאציאנען. „דיא אידען, זאגט דער בעוואוסטער דייטשער געלעהרטער רימליין, זיינען א פאלק, כאטש זיי האבען ניט קיין געמיינזאמען שטאאט, קיין אלגעמיינע שפראך, כאטש זיי זיינען צו־ווארפען איבער דער גאנצער וועלט... דיא שווייצער זיינען א פאלק, כאטש זיי שטאמען פון פערשיעדענע נאציאנען און ריידען פערשיעדענע שפראכען. און ווידער דיא פאלאקען זיינען א פאלק, כאטש ביי זיי איז דוקא פערקעהרט. וואס־זשע בלייבט דער הויפט־פרינציפ פון א נאציאן?" (רעדען און אויפזעטצע, טיבינגען, 1875).

דיא תשובה איז נור איינע. מיר האבען איהר שוין געגעבען: „דיא נאציאן איז א קולטורעלע גייסטיגע אחדות פון מענשען, וועלכע פיהלען און האבען דאס בעוואוסטזיין, אז צוליעב פערשידענע אורזאכען זיינען זיי א'ן איינהייט פון מענשען וועלכע שטרעבען צו ערהאלטען און צו ענטוויקלען דיא זעלבע איינהייט". און וויא באלד דאס איז אזוי, דעריבער איז די נאציאנאלע פראגע א פאליטישע פראגע און דיא אנטווארט אויף איהר מוז געבען א גאנץ אנדערע וויסענשאפט, נעמליך: דיא פאליטישע וויסענשאפט.

וויא דיא פאליטישע וויסענשאפט בעהאנדעלט דיא נאציאנאלע פראגע; וועלכע טהעאריען עס עקזיסטירען און וועלכע פון זיי איז דיא ריכטיגערע און פערענטפערט בעסער דיא פראגע — וועגען דעם אן אנדער מאל.

דר. ק. פארנבערג.

# אידען אין רוסלאנד.

## זייער געשיכטע פון דיא עלטעסטע צייטען ביז היינטיגען טאג.

פון אלכסנדר הארקאווי.

## צווייטעס קאפיטעל.

## אידען אין רוסלאנד אין דיא מיטעל־אלטערליכע יאהרהונדערטע.

בעזעצונג אין אייגענטליכען רוסלאנד. — וולאדימיר דער 1טער און די אידישע רעליגיאנס־געלעהרטע. — סוויאטאפאלק דער 2טער. — וולאדימיר מאָ נאמאך. — בעפעל אויף אידען אין 1112. — יאאן וואסיליעוויטש דער 3טער. — בעקעהרונג פון קריסטען צום יודענטהום.

---

אין דעם פריהערדיגען קאפיטעל האב איך געוויזען דיא צייט, ווען אידען האבען זיך בעזעצט אין קאווקאז, קרים און כאזאריען. האבען אידען דאן זיך אויך געפונען אין דיא געגענדען, פון וועלכע רוסלאנד איז שפעטער צוזאמענגעשטעלט געווארען? מען קען אננעהמען פיר זיכער, אז יא. דען איידער דיא רוסיש־סלאווישע פעלקערשאפטען האבען זיך ארגאניזירט אונטער איין הערשאפט, זיינען זיי ביז א געוויסען גראד געווען אונטערווארפען אונטער דיא כאזארען, און אין ערטער, איבער וועלכע דיא כאזארען האבען געהאט א מאכט, האבען אידען געהאט א מעגליכקייט צו קומען. אלס א פאלק פון האנדעל און וואנדעל האבען אידען געוויס דיעזע געלעגענהייט ניט דורכגעלאזען. דירעקטע היסטארישע מיטטהיילונגען, וועלכע זאלען עס בעשטעטיגען, זיינען ניטא, אבער דאס איז א זאך וואס לעגט זיך אויף'ן שכל.

נאר ווען עס זיינען ניטא קיין דירעקטע בעווייזע דאפיר, דאס אידען זיינען געווען אין דיא אייגענטליכע געגענדען פון רוסלאנד איידער דיעזע מלוכה האט זיך געגרינדעט, זיינען דא אויסדריקליכע היסטארישע מיטטהיילונגען, דאס אידען זיינען אין רוסלאנד געווען אנזעסיג קורץ נאך דער גרינדונג פון דער מלוכה אין קיעוו.

דיעזע מיטטהיילונגען געפינען זיך ביי דיא רוסישע געשיכט־שרייבער טאטישטשעוו, (רוססקאיא איסטאריא, מאסקווא, 1773) און אוסטריאלאוו (רוססקאיא איסט., פעטערסבורג, 1835). לויט דעם, וויא דיעזע צוויי היסטאריקער בעריכטען, האט דער רוסישער קעניג סוויאטאסלאוו (957—972), נאך דעם וויא ער האט בעזיעגט דעם נארדליכען טהייל פון כאזאריען, אוועקגעפיהרט פון דארטען פיעלע אידען אלס געפאנגענע און זיי בעזעצט אין קיעוו. אלזא פון צעהנטען יאהרהונדערט, וועניגסטענס, הויבט זיך אן דיא געשיכטע פון דיא אידען אין דעם אייגענטליכען רוסלאנד.

---

נאך דעם טוידט פון סוויאטאסלאוו איז ארויף אויפ'ן רוסישען טראהן וולאדימיר דער ערסטער, גענאנט „דער הייליגער" (980—1015). אונטער זיין הערשאפט האט דאס רוסישע פאלק אנגענומען דאס קריסטענטהום. אין פערבינדונג מיט דיעזע בעגעבענהייט ברענגט דער רוסישער פאטריארך ניעסטאר (1056—1114), דער עלטסטער רוסישער היסטאריקער, פאלגענדע געשיכטע פון וולאדימיר'ן און דיא אידען:

ווען וולאדימיר האט בעשלאסען אוועקצווארפען דעם געצענדיענסט, האט ער נאכגעדענקט, וועלכע רעליגיאן ער זאל אננעהמען. ער האט געלאזען רופען צו זיך גריעכישע גלחים, ער האט געשיקט נאך מאהאמעדאנישע גייסטליכע

און ער האט אויך אויפגעפאדערט אידישע רעליגיאנס־געלעהרטע צו קומען.

דאן זיינען צו וולאדימיר'ן געקומען, שרייבט נעסטאר, אידען פון כאזאריען און האבען פאר איהם אנגעפאנגען צו ריהמען זייער אמונה; מיט דיזע ווערטער: „מיר האבען געהערט, דאס צו דיר זיינען געקומען מאהאמעדאנער און קריסטען און יעדערער האט דיר ערקלערט זיין אמונה. די קריסטען גלויבען אין דעם, וועמען מיר האבען געקרייציגט, און מיר גלויבען אין איינציגען גאט, דעם בעשעפער און ערהאלטער פון אללע בעשעפעניסען".

וולאדימיר האט די אידען געפרעגט: „אין וואס בעשטעהט אייער געזעץ"? און זיי האבען געענטפערט: „זיך בעשניידען (מילה), קיין חזיר עסען, און היטען שבת". ער האט זיי אבער ווייטער געפרעגט: „וואו איז אייער לאנד"? „אין ירושלים", האבען זיי געענטפערט. וולאדימיר: „וואהנט איהר דען דארטען"? די אידען: „גאט איז געווארען אין כעס אויף אונזערע עלטערן און ער האט אונז צושפרייט אין אללע געגענדען וועגען אונזערע זינד; אונזער לאנד איז איבערגעגעבען געווארען צו די קריסטען". וולאדימיר האט די אידען דאן געענטפערט מיט צארן: „וויא? איהר ווילט אנדערע לערנען אייער געזעץ, ווען איהר אליין ווילט עס ניט היטען? איהר זייט פערשטויסען פון גאט און צושפרייט? ווען גאט וואלט אייך און אייער תורה ליעב געהאט, וואלט ער אייך ניט צושפרייט אין פרעמדע לענדער. ווילט איהר, אז מיר זאלען אויך טהיילען אייער אונגליק"? וולאדימיר האט די אידישע שלוחים אוועקגעשיקט מיט כעס.

טראץ דיזער געשיכטע האט וולאדימיר די אידען, וועלכע זיינען געזעסען אין קיעוו, ערלויבט צו בלייבען און צו האנדלען. עס האט זיי דארטען נעגליקט אין די עסקים, זיי זיינען געווארען רייך און געהאלטען קריסטליכע קנעכט און דיענסטען. עס ווערט דערצעהלט, דאס דער קריסטליכער מאנאך פעאדאסי פעטשערסקי האט ליעב געהאט צו פערקעהרען מיט די אידען; ער פלעגט זיך ביי נאכט ארויס'גנב'ענען פון מאנאסטיר און קומען צו אידען מיט זיי צו דעבאטירען איבער רעליגיאן. דער מיטראפאליט יאהאן דער צווייטער האט די אידען אבער ניט פערגונען זייער גליק און ער האט צו וולאדימיר'ן געשריעבען, דאס מען זאל ניט ערלויבען צו פערקויפען קריסטליכע קנעכט צו די אונגלויביגע אידען און דאס ווער עס פערקויפט א קריסטליכען קנעכט צו א אידען זאל בעטראכטעט ווערען אלס פערברעכער. די אידען פון רוסלאנד אין יענער צייט האבען זיך אויך אבגעגעבען מיט לערנען. אין דעם וואטיקאן פון רוים געפינען זיך מאנוסקריפטען פון רוסישע אידען פון דעם יאהר 1094.

סוויאטאפאלק דער צווייטער (1093—1112) האט די אידען אין זיין לאנד געדולדעט און געשיצט געגען אונרעכט. דיזער פירסט האט זיך זעלבסט אבגעגעבען מיט מסחור, הויפטזעכליך מיט דעם האנדעל פון זאלץ, וואס ער האט געלאזט ברענגען פון פוילען נאך רוסלאנד. וועגען דיזען מסחור זיינען פיעלע אידען געקומען נאך קיעוו, וואו זיי האבען געקראגען פיעלע פרייהייטען. דאס פאלק האט זיי אבער ניט געדולדעט און האט געזוכט זיי צו רודף'ן. נאך דעם טויט פון סוויאטאפאלק איז עס געקומען צו אן אויסברוך; מען איז די אידען בעפאלען, מען האט זיי בערויבט און געשלאגען מיט גרויס אכזריות.

ווען סוויאטאפאלק איז געשטארבען (1112) האבען די קיעווער אנגעבאטען די רעגיערונג צו וולאדימיר דעם צווייטען, וועלכער איז בעקאנט אונטער דעם נאמען מאנאמאך. מורא האבענדיג, דאס אלעג און דאוויד, די זיהן פון סוויאטאסלאוו, דעם פירסט פון טשערניגאוו, און פרעטענדענטען פון דעם טראהן, וועלען מיט איהם מלחמה האלטען, האט ער זיך ענטזאגט פון דער קרוין. דאס האט געבראכט צו אונרוהען אין קיעוו. מאנאמאך'ס אנהענגער האבען געטוידטעט סיוואטאסלאוו'ס זיהן, האבען צערשטערט דאס הויז פון דעם „טיסיאטשניק" פוטיאטא און האבען פאר איין גאנג בערויבט און ערמארדעט פיעלע אידען.

אום דיזעלבע גרוילטהאטען זאלען ווייטער ניט פארקומען, האט דער אדעל נאך אמאל געשיקט צו וולאדימיר'ן און איהם געבעטען איבערנעהמען די רעגיערונג. וולאדימיר האט זיך ענדליך געלאזען איינרעדען און איז ארויף אויפ'ן טראהן. דער אויפשטאנד האט זיך איינגעשטילט, אבער די בעפעלקערונג האט איהם איינשטימיג געבעטען צו בעשטראפען די אידען, ווייל זיי נעהמען אוועק פון די קריסטען אללע געשעפטען דורך די פרייהייטען, וועלכע סוויאטאפאלק האט זיי געגעבען, און ווייטער פערפיהרען זיי פיעלע צו זייער גלויבען און בויען הייזער צווישען די קריסטען, וואס פריהער האט עס ניט געטארט זיין. אויף דיזע קלאגען האט וולאדימיר געענטפערט: „ווייל פיעלע פון זיי האבען אונטער פער־

שיעדענע רעגיערונגען איינגעוואנדערט און זיך בעזעצט, פאסט מיר ניט אהן דעם ראטה פון דיא פירסטען אזוינס צו טהאן. עס איז אבער אויך געגען גערעכטיגקייט דיא מענשען, וועלכע זיינען פון דיא פריהערדיגע פירסטען געדולדעט געווארען, צו לאזען יעצט בערויבען און מארדען, ווייל עס קענען דאך אויך אונשולדיגע אומקומען. איך וועל מיך דעריבעראונגעזאמט בעראטהען מיט דיא אנדערע פירסטען".

אויף וולאדימיר מאנאמאך'ס איינלאדונג זאלען זיך האבען פערזאמעלט דיא פירסטען אין קיעוו און אין ווידאביטש, אום ארויסצוגעבען געזעצע וואס זאלען בעשרענקען דיא רעכטע פון אידען. איינעגע רוסישע היסטאריקער בעריכטען, דאס אויף דיא פערזאמלונג פון דיא פירסטען אין ווידאביטש איז בעשלאסען געווארען, דיא אידען מיט זייער גאנצען פערמעגען ארויסצושיקען פון רוסלאנד און אין דער צוקונפט זיי מעהר ניט אריינצולאזען; ווען זיי זאלען אריינקומען אין געהיים, זאל עס זיין ערלויבט זיי צו בערויבען און צו מארדען". *)

פון דעם צווייטען פערטיל פון צוועלפטען יאהרהונדערט ביז ענדע פופצעהנטען איז וויניג וואס בעקאנט פון אידען אין רוסלאנד, וואס זאל זיין ווערטה מיטצוטהיילען. פיר דיא נעכסטע וויכטיגע עראייגניס, וועלכע איז פערבונדען מיט אידען אין דיזען לאנד, מוזען מיר מאכען א שפרונג פון וולאדימיר מאנאמאך ביז דעם וועליקי קניאז (גרויספירסט) יאהאן וואסילעוויטש דער דריטער (1462—1505). דיזע עראייגניס איז דיא מערקווירדיגסטע פון אלע אין דער רוסיש-אידישער געשיכטע און זיא ווערט בעצייכענט אין דער רוסישער היסטאריע מיט דעם נאמען ,,זשידאווסקאיא יערעס", וועלכעס מיינט: ,,אידישע אפיקורסות"! דיא געשיכטע דערפון איז פאלגענדע.

---

*) אין שטערנבערג'ס ,,געשיכטע דער יודען אין פאלען", פון וואנען איך קאפיר מעהרערע טהיילען פון דיזען קאפיטעל, קומט נאך דיעזער שטעלע דיא בעמערקונג: ,,דיא נייע פארשונגען צייגען, דאסס פאן דיעזעם, וולאדימיר צוגעשריעבענען, גרויזאמען עדיקטע, אין קיינער דער גלויבווירדיגען רוסישען כראניקען איינע ערוואהנונג געמאכט ווירד, אונד דאסס דיעזע ערצעהלונג אויף איינער ערדיכטונג דעס דען יודען געהעססיגען (פיינדליכען) היסטאריקער בערוהט".

פון דעם 12טען ביז דעם 14טען יאהרהונדערט זיינען ענטשטאנען שפאלטונגען אין דער רוסישער קירכע. דורך דעם זיינען ארויסגעקומען דיא סעקטען, וועלכע האבען זיך אנגערופען ,,באגאמילי" און ,,סטריגאלינקי". (דיא ערסטע פון דיזע איז ענטשטאנען אין בולגאריען). דער צוועק זייערער איז געווען צו רייניגען דיא רוסישע קירכע פון פערבליעבענעם געצענדיענסט און צו פיהרען איהר צוריק צו דעם גלויבען, פון וועלכען דאס קריסטענטהום איז ארויסגעקומען. דורך דיא אגיטאציאן פון דיזע סעקטען איז ביסלעכווייז אויסגעארבייט געווארען א באדען פיר דעם גלויבען אין איין איינציגען גאט, פיר דעם מאזאאיזמוס (תורת משה). עס האט נאר געפעהלט א רעליגיאנס-געלעהרטער מיט א צונג דיא קריסטליכע רוסען צו געווינען פיר דאס יודענטהום. און אזא מאן האט זיך בעוויזען אין דיא פערזאן פון א אידען מיט'ן נאמען זכריה, פון קיעוו. ער האט זיך אריינגעלאזען אין א פראפאגאנדא פיר דאס יודענטהום און, וויא א מאגנעט, האט ער צו זיך צוגעצויגען פיעלע רוסען און זיי בעקעהרט צו תורת משה. זכריה איז געווארען זעהר בעריהמט און ער האט געמאכט א'ן אויפזעהען ביי דיא העכסטע פערזאנען פון לאנד. עס ווערט ערצעהלט, דאס ער האט געהערט צו דער סוויטע פון דעם פירסט מיכאאיל אלעלקאוויטש, וועלכער איז געקומען נאך נאוואגאראד אין 1471 אלס שטאטהאלטער פון דעם פויקישען קעניג קאזימיר דעם פערטען.

דער ערסטער קריסט, וועלכען זכריה האט בעקעהרט צו יודענטהום אין נאוואגאראד, איז געווען דער גייסטליכער דיאניסי, וועלכער האט איהם אויך צוגעפיהרט זיין קאלעגע דעם פראטאפאפ (אבער-גייסטליכער) אלעקסיי. די איבערגעגאנגענע צום יודענטהום האבען זיך אויך געוואלט לאזען מל זיין, אבער זכריה און די אידען, מיט וועלכע ער איז געשטאנען אין פערבינדונג, האבען זיי צוריקגעהאלטען און זיי געראטהען פאר'ן שיין צו האלטען זיך וויא קריסטען, ווייל עס זיינען געווען פיעלע געגנער פון דער ,,אידישער אפיקורסות". דער דעמאהנטער גייסטליכער אלעקסיי האט זיך אויסגעצייכענט מיט א בעזאנדערען אייפער פיר דאס יודענטהום, און דיא ידישע געמיינדע האט דעריבער איהם א נאמען געגעבען אברהם און זיין פרוי שרה.

אלעקסיי האט אגיטירט אונטער אלע קלאסען מענשען. ער האט געהאט א בעזונדערען גרויסען ערפאלג צווישען דיא גייסטליכע. צוויי-

שען דיא בעקעהרטע זיינען געווען גבריאל, דער פראטאפאפ פון דער קירכע „סאפיא", דער גארדיאן גרעגארי און דער זוהן פון א'ן אנגעזע־הענעם באיארען ט ו ט ש י ן.

דיא עיקרים פון דיזער נייער אידישער סעק־טע זיינען געווען וויא פאלגט:

1) גאט, דער פאטער און דער ערהאלטער פון אלעס, האט ניט קיין זוהן און קיין הייליגען גייסט.

2) יעזוס קריסטוס איז ניט דער ווירקלי־כער זוהן פון גאט. דער זוהן פון גאט, איבער וועלכען דיא הייליגע שריפט האט פראפעצייהעט, איז נאך ניט געבא־רען, און ווען ער וועט געבארען זיין, וועט ער ניט נאך זיין וועזען, נאר לויט זיין ליכטיגען פער־שטאנד אנגערופען ווערען דער זוהן פון גאט, וויא משה, דוד און אנדערע פראפעטען און היי־ליגע מענער. דער קריסטוס, וואס ווערט פער־עהרט פון דיא קריסטען, איז א געוועהנליכער מענש, קיין גאט. ער איז געקרייציגט געווארען, געשטארבען און צופוילט געווארען אין קבר, און דעריבער —

3) מען מוז האלטען תורת משה.

4) דיא ערלעזונג פון דער מענשהייט דורך גאט'ס זוהן איז ניט נויטהיג, אויך שטימט דאס ניט איבעראיין מיט גאט'ס ווירדע.

אזוי וויא דער זיבענטער יאהרהונדערט פערגעהט און דיא וועלט איז נאך ניט אונטער־געגאנגען, זיינען

5) דיא שריפטען פון דעם הייליגען אפרים, וועלכער האט געזאגט: „דאס אונזער הערר יעזוס קריסטוס ערשיינט אום דיא טויבע און לע־בעדיגע צו משפט'ן, וויל עס איז דער א י נ ג־ס ט ע ר טאג", וויא איבערהויפט דיא שריפטען פון אלע קירכענפאטערס, פול שקר, זא וויא אויך דאס נייע טעסטאמענט, וויל דיא אפאסטעל האבען געשריבען, דאס קריסטוס וועט וויעדער קומען און יעצט זיינען שוין אוועק 1500 יאהר נאך קריסטוס און ער איז נאך צום צווייטען מאל ניט געקומען.

6) דיא פערעהרונג פון הייליגע בילדער און פון דעם קרייץ איז געצענדיענסט.

7) דאס מאנאכען־לעבען איז א מענשליכע, קיין געטליכע איינריכטונג, און דיא קללה פון דער הייליגער שריפט, וועלכע ליעגט אויף יעדען, וועלכער שטעלט ניט אויף קיין קינדער אין ישראל, פאלט אויף דיא מאנאכען.

8) ניט גאט'ס מוטער, ניט יאהאן דער טוי־פער, אדער דיא אפאסטעל און זאנסט הייליגע און זעעליגע דארפען פערעהרט ווערען.

דיזע נייע סעקטע האט זיך אימער געהאל־טען אין פערמעהרען און דורך דיא ווירקונג פון דיא אידען ו ס ף, ש מ ו א ל, ס ק א ר נ א, מ ש ה, ח נ ו ך, וועלכע זיינען אנגעקומען פון ליטא, איז דיא צאהל פון דיא גרים געווארען בעדייטענד גרויס.

אין דעם יאהר 1480 איז דער גראספירסט יאהאן וואסילעוויטש געקומען נאך נאווגאראד. אלעקסיי און דיאניסי זיינען איהם אזוי שטארק געפעלען געווארען, דאס ער האט זיי מיטגענומען אלס גייסטליכע נאך מאסקווא. דער ערסטער איז געווארען אבער־פריעסטער אין דער קירכע „אוספעניע באזשיעי מאטערי" און דער צוויי־טער אין דער קירכע „ארכאנגעל מיכאאיל". אלעקסיי איז געווען בעזאנדערס אנגעזעהען ביי דעם גראספירסט, ער האט צו איהם געהאט פרייען צוטריט און אויף אזא ארט איז איהם געווען א לייכטע זאך צוזאמען מיט דיאניסי צו ווירקען פיר דיא נייע לעהרע, און זייער טהעטיג־קייט איז געקרוינט געווארען מיט גרויס ער־פאלג. צווישען זיינע אנהענגער זיינען געווען דער ארכימאנדריט פון סימאנאוו מאנאסטיר ז א ס י מ א, דער מאנאך ז א כ א ר י, דעם גראספירסט'ס סעקרעטער פ ע ד א ר ק ו ר י־צ י ן און זיין ברודער איוואן, דיא פירסטין ה ע ל ע נ א (שוויגערטאכטער פון דעם גראס־פירסט), דער קויפמאן ק ל ע נ א ו ו און אנ־דערע בעדייטענדע פערזאנען. אויך פון דעם איינפאכען פאלק איז דיא צאהל פון אנהענגער געווען ניט קליין.

אונטער אזעלכע גינסטיגע אומשטענדע, אונטער דעם שוטץ פון מענער, וועלכע האבען פערנומען דיא העכסטע עמטער אין דער קירכע און אין דעם שטאאט, און כמעט אונטער דעם שוטץ פון דעם קעניג זעלבסט, איז דיזע סעקטע שטארק געוואקסען. נאר דיא געגנער האבען אויך ניט גערוהט. מיט גרויס צארן האט דער ארכיעפיסקאפ גענאדי פערפאלגט דיא בעקעהר־טע אין נאווגאראד. דורך אינטריגען האט ער געוואונען דיא אויפמערקזאמקייט פון דעם גראס־פירסט יאהאן וואסיליעוויטש, אבער ניט אויף אזוי פיעל, וויא פיעל ער האט געברויכט.

אין מאסקווא האבען דיא „זשידאווסטוואר־יושטשע" (דיא געאידעלטע גוים) — וויא זיי האבען געהייסען — געפונען אין זייער אנהענגער ק ו ר י צ י ן, דער סעקרעטער פון דעם גראס־

פירסט, אַ שטאַרקען בעשיצער. דיא פערפאָלגטע מיטגליעדער פון נאָווגאָראָד און פסקאָוו האָבען דאַדורך ווידער געקראָגען מוטה; זיי האָבען אויסגעוואַנדערט נאָך מאָסקוואַ, אום דאָרט מיט זייערע גלויבענסגענאָסען צו קענען לעבען אונגעשטערט אין זייער נייער רעליגיאָן.

אבער גענאַדי, אין פער איינִיגונג מיט אָסיפּ וואָלאָקאָלאַמסקי, האָבען געזוכט מיט אַלע מיטלען צו ווירקען אויף דעם גראָספירסט. עס זיינען אָבער פערגאַנגען צוויי יאהר אָהן ערפאָלג, ווייל דער מעטראָפּאָליט פון מאָסקוואַ ג ע ר אָ נ ט י האָט זייערע בריעף, ביטען און קלאַגען קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט. דיזער מיטראָפּאָליט האָט גאָר ניט געוואָלט אונטערנעהמען געגען קוריצין, דעם ליעבלינג פון יאָהאַן וואַסיליעוויטש.

ענדליך איז דעם אַרכיפּיעסקאָפּ גענאַדי געלונגען צו געווינען אויף זיין זייט דעם עפּיסקאָפּ פון סוזדאַל, ניפאָנט, און דעם דוכאָווניק (בייכטפאַטער) פון יאָהאַן וואַסיליעוויטש, אַרכימאַנדריט מיטראָפאַן. דורך דעם צווייטען האָט ער שוין געקענט ווירקען אויף דעם גראָספירסט. עס האָט זיך גראדע געמאַכט אַ גינסטיג געלעגענהייט דערצו. דער מיטראָפּאָליט געראָנטי איז געשטאָרבען דעם 28טען מאַי 1489. אַ פערזאַמלונג, אויף וועלכע עס האָט געדאַרפט פאָרקומען דיא וואַהל פון אַ נייעם מיטראָפּאָליט, האָט שטאַטגעפונען דעם 17טען אָקטאָבער 1490 אונטער דעם פּאָרזיטץ פון דעם גראָספירסט'ס זוהן, וואַסילי יאָהאַנאָוויטש. אויף דיזער פערזאַמלונג זיינען פאָרגעלעזען געוואָרען דיא פריהערדיגע קלאַגען פון גענאַדי און מען האָט דאַן פאָרגערופען דיא נאָווגאָראָדער ענטלאָפענע, וועלכע האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין מאָסקוואַ, נעמליך: דעם נאָווגאָראָדער פּראָטאָפּאָפּ ג ב ר י א ל, דעם גייסטליכען ד י אָ נ י ס י, דעם מאָנאַך ז אַ כ א ר י און אַנדערע.

איין טהייל פון דיא הויכע גייסטליכע, וועלכע זיינען געוועזען איינפערשטאַנען מיט גענאַדי, האָבען פאָרגעשלאָגען, אַז דיא בעקעהרטע צום יודענטהום זאָלען בעשטראַפט ווערען מיט פייניגונגען אָדער מיט'ן טויט. דער גראָספירסט איז אבער געוועזען געגען דעם און דיא קירכענפערזאַמלונג האָט זיך בענוגענט מיט דער פערפלוכונג פון דער נייער לעהרע.

דיא אַנגעקלאָגטע זיינען אבער צוריקגעשיקט געוואָרען נאָך נאָווגאָראָד, זיי זאָלען דאָרטען חוזר בתשובה זיין. גענאַדי האָט בענוצט דיא געלעגענהייט צו שטילען זיין געפיהל פון ראַכע און ער האָט דיא צוריקגעשיקטע בעהאַנדעלט אויף אַ גרויזאַמע אַרט. אַלס זיי זיינען נאָך געווען אויסער דער שטאָדט, האָט ער זיי געלאָזען אויפזעצען אויף פערד, מיט דעם געזיכט צום עק, אין קליידער אויסגעקעהרט אויף דער לינקער זייט, אין שפּיציגע בערעזענע מיטצען, מיט דער אויפשריפט: „סע יעסט סאַטאַנינאָ וואָאינסטוואָ" (דאָס איז דעם שטן'ס חיל). און אַזוי האָט מען דיזע אונגליקליכע געפיהרט פון איין גאַס אין דיא אַנדערע, דאָס פאָלק האָט זיי געשפּיגען אין געזיכט מיט דעם אויסרוף: „דאָס זיינען קריסטוס'ס שונאים", און מען האָט צולעצט פערברענט דיא מיטצען אויף זייערע קעפּ.

מיט דיזען אורטהייל איז אָבער נאָך ניט געוואָרן קיין ענדע פון דער „אידישער אפּיקורסות". איהר מעכטיגער בעשיצער פעדאָר קוריצין איז געוועזען איהר מיטעלפּונקט, אַרום וועלכען אַלע אַנהענגער האָבען זיך געזאַמעלט. דורך דעם גרויסען איינפלוס, וועלכען ער האָט געהאַט אין דער רעגיערונג, איז איהם זאָגאָר געלונגען צו קריגען דיא שטעלע פון אַרכימאַנדריט אין דעם יורי־מאָנאַסטיר אין נאָווגאָראָד פיר דעם גייסטליכען קאַססיאַן, איינעם פון דיא שטאַרקסטע אַנהענגער פון יודענטהום. פערטרויענדיג אויף זיין מעכטיגען בעשיטצער זיינען דיא געוואָרענע אידען אויפגעטרעטען פריי, האָבען עפענטליך אָבגעלאַכט פון קריסטענטהום, האָבען געפייערט פּסח און אַנדערע ימים טובים נאָך תורת משה און האָבען זאָגאָר אָנגענומען דעם אידישען לוח. אבער זייערע געגנער האָבען דעם קאַמפּף געגען זיי ניט אויפגעגעבען, זיי האָבען אין דעם יאהר 1503 אויסגעווירקט ביי דעם גראָספירסט אַ צווייטע קירכענפערזאַמלונג, אויף וועלכע אָ ס י פּ ו ו אָ ל אָ ק אָ ל אַ מ ס ק י, גענאַדי'ס חבר, האָט געהאַט אַ שטימע. ער האָט שטאַרק געפאָדערט מען זאָל דיא אָבגעפאַלענע פון קריסטענטהום בעשטראָפען.

דיא אָנגעקלאַגטע זיינען פאָרגערופען געוואָרען; זיי האָבען זיך אָפען בעקענט צום נייעם גלויבען און האָבען איהם פערטהיידיגט. דיא גרויסע מאַיאָריטעט פון דיזער קירכענפערזאַמלונג איז געווען געגען דיא „אידישע אפּיקורסים". שליסליך זיינען דיא הויפּט־פיהרערס: דער שטאַאַטס־סעקרעטער ק ו ר י צ י ן, ד י מ י ט ר י ק אָ נ אָ פּ ל ע ו ו, א י ו ו אַ ן מ אַ ק ס י מ אָ ו ו און ק אַ ס ס י אַ ן (אַרכימאַנדריט פון יורי־מאָנאַסטיר אין נאָווגאָראָד) פעראור־

טהיילט געווארען צום טויט, און דעם 27טען דעצעמבער, 1503, זיינען זיי עפענטליך אין מאסקווא פערברענט געווארען אין שטייגען.

דיזער נצחון פון דיא געגנער פון דיא „אידישע אפיקורסות" האט אבער ניט לאנג גע־דויערט. דיא פערעהרער פון קוריצין און אלע בעקעהרטע צום יודענטהום האבען אנגעשטרענגט זייערע קרעפטען און האבען אויסגעפיהרט אין 1505 ביי דעם גראספירסט יאהאן וואסיליעוויטש אז מען זאל איינשפארען דעם נאווגאראדנער ארכיעפיסקאפ גענאדי אין א קלויסטער אין מאַ־סקווא. דיא „אפיקורסים" האבען דאן אויפגע־הויבען דעם קאפ, און פיעלע פון זיי, וועלכע האבען פריהער צום שיין זיך צוריקגעקעהרט צום קריסטענטהום, אויס פורכט פאר פערפאלגונגען, האבען יעצט אראבגעווארפען פון זיך דיא מאסקעס. עס זיינען ביסלעכווייז אויך צוגעקו־מען נייע אנהענגער, און דיא סעקטע איז גע־וואקסען.

דער שיקזאל פון דער סעקטע האט זיך אלץ געווארפען אין דעם וואגשאל. זיא האט געהאט זיעגען און נידערלאגען, נור אין דיזען קאמפף האט זיא ביסלעכווייז פערלארען איהר פריהער־דיגען כאראקטער און האט זיך צושפאלטען אין טהיילען מיט אזעלכע לעהרען, וועלכע זיינען גע־ווען א געמישעכץ פון יודענטהום און קריסטענ־טהום. עס זיינען ענטשטאנדען אזוי דיא סעק־טען „מאלאקאנע", „שטשעלניק" און אנדערע, וועלכע זיינען אונטער אנדערע נעמען און פאר־מען פערבליעבען ביז היינטיגען טאג וויא, צום ביישפיעל, דיא סובאטניקעס.

נאר פון דיא ווייטערע ענטוויקלונג פון דיא „אידישע אפיקורסות" וועלען מיר נאך האבען צו רעדען, ווען מיר וועלען צוקומען צו דער גע־שיכטע פון אידען אין פוילען ארום דער צייט, ווען גראף פאטאצקי (דער גר צדק) האט זיך בע־קעהרט צום יודענטהום.

אבער אונגעפעהר 50 יאהר נאך דיא אויבען־געגעבענע פאקטען, האבען זיך בעזאנדערס אויס־געצייכענט פאלגענדע צוויי רוסען: מאטוויי באקשין און פעאדאסי קאסאי, דער ערסטער האט זיך בעוויעזען אין דעם יאהר 1554 און האט געמאכט פראזעליטען (גרים) אין פערשידענע מאנאסטירען. פעאדאסי קאסאי איז געווען א געבירטיגער פון מאסקווא, ער איז ערצויגען געווארען אין דעם הויז פון א באיארין, וועלכער האט געהערט צום קעניגליכען הויף. קאסאי איז אין 1552 געגאנגען נאך ליטא, וואו ער האט געהייראטה א אידישע טאכטער נאכ־דעם וויא ער איז איבערגעגאנגען צום יודענ־טהום. ער איז אין 1555 ערשיענען מיט צוויי תלמידים אין ווייס־רוסלאנד, וואו זיי האבען גע־פונען פיעלע אנהענגער.

---

# שליטען־גלעקלעך.

ווייס באצויגען איז דיא וועלט
מיילען־ווייז ארום,
וויא פארפרארען אין דער קעלט
ליגט דיא לאנדשאפט שטום...

דיא לבנה רוהיג ציהט
אויף דעם הימעל־ים,
און א מחנה שטערען גליהט
מיט א זיססער פלאם...

איינגעדעקט אין בלאען ליכט,
גלאנצט דער הארטער שניי
און עס גלימצערען געדיכט
פונקען אלערליי...

שליטען־גלעקלעך פון דער וויים,
לאנגזאם קומען אן,
דורך דיא קלארע רוהיגקייט
זיך פערשפרייט דער טאן...

העללער קלינגט עס, נעהנטער קוממט
אין דעם קאלטען רוים,
דאנן ווערט שוואכער און פערשטוממט
וויא א בילד פון טרוים...

אבער וויא פאר'כשופ'ט לאנג,
נאכדעם בלייבט מיין זינן,
נאך דעם זיססען גלאקענקלאנג
ציהט עס מיך א הין...

דענווער, קאלא.

יהואש.

# פיוזשען און אַרבייטער פּאָליטיק.

2.

אונזערע פּאַרטיי־כאָציאַליסטען מיינען אין דער אמת'ן, אַז זיי האבען א פּאַטענט אויף דעם סאָציאַליזמוס. עס הויבט זיך אבער גאר ניט אָן! זינט בעלאמי האט געשריעבען זיין באריהמטען בוך „לוקינג בעקוואָרד“, געהט אָן אין אַמעריקא א סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדא גאַנץ אונאבהענגיג פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

איך וויל אייך דאָ בעקאַנט מאַכען נאר מיט עטליכע ביישפּיעלען. איך וואָלט געקענט א גאַנצען ביכעל פון דער „צוקונפט“ אנפילען מיט ציטאַטען.

מיט פינף יאהר צוריק איז אין קענסאס עלעקטעד געוואָרען דער קאָנגרעסמאַן רידזשלי. אָט איז אָן אויסצוג פון א רעדע, וועלכע ער האט געהאַלטען אין קאָנגרעס מיט דריי יאהר צוריק:

„די כאָציאַליסטען פערמעהרען זיך הונדערטער, טויזענדערוויים אין לאַנד. זייער מאַכט וועט אין קורצען זיך לאָזען פיהלען אין קאָנגרעס און אין יעדען בראַנטש פון דער רעגיערונג. זיי האבען דיא ריכטיגע רפואה פאר דיא וואַקסענדע טראָסט־פראַגע, זייער גרונדשטיין איז דער בריטער פרינציפּ, דאס דער גאַנצער קאַפּיטאַל וואס מען בעדאַרף פאר דיא פּראָדוקציאָן און פערטהיילונג (פּראָדאָקשען ענד דיסטריביושען) פון אַלע זאַכען וואס זיינען נויטיג פאר דעם מענשליכען קאָמפאָרט, פאר דיא גייסטיגע און געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג, און וועלכע קענען ניט אַנדערס גענוצט ווערן וויא אויף א קהל'שען אופן, מוזען געהערען צום כלל. דורך דיזען איינפאַכען פרינציפּ וועלען זיי אויף אימער אפּשאַפען די אונטערטהעניגקייט צום קאַפּיטאַל און וועלען מאַכען, אַז דער קאַפּיטאַל זאָל דיענען דעם מענשען, אנשטאַט ווי היינט דער מענש דיענט דעם קאַפּיטאַל. אַלס איינער, וועלכער גלויבט אין די גרונד־פּרינציפּען פון סאָציאַליזמוס, האב איך פערגניגען פון דיזען ביל (עס האט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם גאָלד־סטענדארד), ווייל איך

ווייס, אַז די נייע געזעצע וועלען נעהענטער ברייגגען דעם פאַלל פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם“.

דיזע רעדע איז געדרוקט געוועזען אין דעם „קאָנגרעשיאָנעל רעקאָרד“, וועלכער ווערט ארויסגעשיקט פריי אין צעהנדליגע טויזענדער קאָפּיעס צו די וואוטערס. (יעדער קאָנגרעסמאָן שיקט זיין רעדע צו די וואוטערס פון זיין דיסטריקט).

יעצט וועל איך אייך געבען אן אויסצוג פון א רעדע, וועלכע פראַנסעס ווילאַרד, די בעריהמטע פּרעזידענטין פון דעם קריסטליכען טעמפּעראַנס פעראיין פון פרויען, האט געהאַלטען אויף זייער קאָנוועגשאָן אין באָפאַלא אין 1897:

„איך וואָלט צונעהמען—ניט נאר איך וואָלט אפּקויפען דורך בעסערע געזעצגעבונג, אלס רעזולטאַט פון א קליגערען באַלאָט אין די הענט פון מענער און פרויען, — איך וואָלט נעהמען די גאַנצע איינריכטונג, וואס מיר רופען ציוויליזאַציע און אַלצדינג וואס איז אויפגעטהאָן געוואָרען אין דיא פיער הונדערט יאהר זינט קאָלומבוס האט געפונען דעם וועג אַהער, און איך וואָלט מאַכען עס זאָל זיין דאס אייגענטהום פון דעם גאַנצען פאָלק צוזאַמען. איך וואָלט פערלאַנגט אַלע זאָלען ארבייטען מיט זייערע הענד אַזוי פיעל ווי מען בעדאַרף פאר געזונטע קערפּערליכע ענטוויקלונג, אבער אויף קיין פאַל ניט אַזוי פיעל ביז וואַנען מען ווערט פארמאַטערט, און איך וואָלט אַלעמען געגעבען די מעגליכקייט צו נעהמען א גלייכען אנטהייל אין בילדונג און גוטע ערציעהונג. איך גלויב, אַז עס איז פאָלקאָמען פּראַקטיש. אין דער אמת'ן איז די היינטיגע פיהרונג איינפאַך איבערגעבליעבען פון דער באַרבאַריי. איך גלויב אַז קאָמפּעטישען (קאָנקורענץ) איז פעראורטהיילט צום טוידט. דער טראָסט, וואס זיין צוועק איז צו פערניכטען קאָמפּעטישען, האט בעוויזען אַז מען קען גאַנץ גוט אויסקומען אָהן איהר. וואס דער סאָציאַליסט ווינשט, איז אַז די מענשהייט זאָל בעהערשען די גאַנצע פּראָדוקציאָן“.

מיסיס פראַנסעס ווילאַרד האט געשפּילט א גרויסע ראָליע אין דער טעמפּעראַנס בעוועגונג. איהרע רעדען פלעגען געדרוקט ווערען אין אַלע

טעמפּעראַנס בלעטער; עס זיינען פאַראַן אין אַמעריקא מעהר ווי הונדערט אַזעלכע צייטונגען; אַלע צוזאַמען האָבען זיי אַ צירקולאַציאָן פון אונגעפעהר 400,000 קאָפּיעס.

מיט צוויי יאהר צוריק איז דער קאַטאָלישער ארכיעפּיסקאָפּ קאָריגאַן ארויס מיט אַ דרשה געגען סאָציאַליזמוס. מיט אַ פּאָאר וואָכען שפּע־טער איז ערשיענען אין דער ניו יאָרקער „טיימז“ אַ לעטער, דאַטירט דעם 14טען דעצעמבער 1901, פון דעם בעריהמטען פּראָטעסטאַנטישען פּאַס־טאָר ניוטאָן, וועלכער האט פארטהיידיגט דעם סאָציאַליזמוס געגען דעם ארכיעפּיסקאָפּ, ער גיט איהם גאַנץ פיין די גאָב. דער בריעף איז אָבער צו לאַנג איהם דאָ אין גאַנצען צו איבער־זעצען. ער שליעסט אַזוי:

„וואָס איז שייך צו מיר, בין איך זיכער מיט דעם זיעג פון דעם סאָציאַליסטישען אידע־אַל, וויל איך גלויב דאס דער מאָראַלישער גע־זעץ איז די הארץ פון דער וועלט“.

די „טיימז“ האָט אַביסעל מעהר לעזער ווי די סאָציאַליסטישע בלעטער אין אַמעריקא... די רעדאקציע האט געשטעלט דעם בריעף אונטער אַ פעטען קעפּעל: „רעוורענד ניוטאָן איבער דעם סאָציאַליזמוס“.

היינט, ווען איהר ווילט עפּעס הערען וועגען דעם קלאַסען־קאמפף, קען איך אייך אויך געבען אַ ביישפּיעל:

„אונזערע וואָטערס הויבען שוין אָן איינצו־טהיילען זיך. אין איינקלאַנג מיט דעם געזעץ פון דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, מוזען זיי וואָס ווייטער נאָך שארפער צוטהיילען זיך אויף אַזוינע וואָס זיינען צופרידען מיט זייער לאַגע און אַזוינע וואָס זיינען אונצופרידען מיט זייער לאַגע. פריהער אדער שפּעטער מוז דאדורך ווערען בעשטימט די איינטהיילונג פון די אַמע־ריקאַנער וואָטערס אין צוויי גרויסע פּאָליטישע פּאַרטייען. די פּאַרטיי פון די צופרידענע וועט זיך צונויפשאַרען אונטער איין פאָהנע און די פּאַרטיי פון די אונצופרידענע אונטער אַ'ן אַנאַנ־דערע. דיזע אַבזונדערונג וועט זיך שטענדיג ענט־וויקלען אַלץ שארפער, ביז וואַנען די פּאַרטיי פון די אונצופרידענע, וועלכע איז אין דער מאַיאָרי־טעט, וועט ארייַנקריגען אין איהרע הענד די רע־גיערונג, און דאַמאָלס וועלען זיי זיכער איבער־מאַכען די היינטיגע סיסטעם פון פערטהיילונג פון רייכטהום נאָך אַ קליגערען און אַ גערעכטערן פּלאַן. איין פּאַרטיי וועט זיין די פּאַרטיי פון קאַפּיטאַל און די אַנדערע וועט זיין די פּאַרטיי פון ארבייט“.

ווייסט איהר ווער האט עס געזאָגט? וויין מאַקוויי, דער געוועזענער אַטוירני־דזשענעראַל אונטער פּרעזידענט העררִיסאָן און איינער פון די לאָיערס פאַר דעם קוילען־טראַסט אין דער ארבּי־טריישען־קאָמישען וועגען דעם מיינערס־סטרייק. דיזע רעדע האט ער געהאַלטען פאַר די סטודענ־טען פון הארוואַרד יוניווערזיטי מיט אַ יאהר דריי צוריק. די רעדע איז נאַטירליך בעריכטעט געוואָרען אין פיעלע צייטונגען.

אין די לעצטע עטליכע יאהר זינט די טראַסטס זיינען געוואָרען אַ ברענענדע פראַגע, האט די פּרעסע אַנגעהויבען צו ריידען וועגען סאָציאַליז־מוס. אין 1899 איז אין דעם „דענווער רעפּוב־ליקאַן“ ערשיענען אַ'ן עדיטאָריעל, אין וועלכען עס איז געשטאַנען אַזוי:

„דער שטאַרקער פּונקט פון דעם טראַסט איז וואָס ער קען פּראָדוצירען זעהר ביליג יעדע וואַא־רע. ער שפּאָרט איין, וואָס אונטער קאָמ־פּעטישען געהט אוועק אין ניוועץ, דערמיט וואָס ער שאַפט אָב קאָמפּעטישען. דאס איז גראָדע וואָס די סאָציאַליסטען פערלאַנגען פאַר די גאַנ־צע פּראָדוקציאָן. דער אונטערשיעד צווישען סאָ־ציאַליזמוס און אַ טראַסט איז, דאָס ווען קאָמפּע־טישען ווערט אבגעשאַפט דורך אַ טראַסט, ברענגט דאס נאָר אַ פּראָפיט געוויסע פּריוואַט אייגענטהימער, וועהרענד די אפשאַפונג פון קאָמ־פּעטישען דורך דעם סאָציאַליזמוס גיט איבער דעם פּראָפיט פון דער פּראָדוקציאָן צו דעם פּאָלק. אויב דער ערפאָלג פון די טראַסטס וועט בעוויי־זען, אַז קאָמפּעטישאָן איז גאָר ניט „דער לעבען פון טרייד“, ווי מען האט אונז איינגעוואָהנט צו דענקען, נאָר אַ שעדליכע פערשווענדונג, דאַן וועלען די טראַסטס פאַרבערייטען אונזערע גע־דאַנקען צו דער איינפיהרונג פון שטאַאטס־סאָ־ציאַליזמוס“.

לעצטען זומער פלעגט אַלע וואָך ערשיינען אַ גאַנץ טיכטיגער סאָציאַליסטישער ארטיקעל פון פּרעדעריק אַדאַמס אין דער „וואַשינגטאָן פּאָסט“, אַ העכסט רעאַקציאָנערע צייטונג. די־זעלבע אַרטיקלען פלעגען צו דערזעלבער צייט ערשיינען אין נאָך אַנדערע צייטונגען. וועגען רעדט שוין פון הוירסט'ס צייטונגען. צו דער צייט פון דעם קוילען־סטרייק האָב איך געזעהען אַ'ן ארטיקעל, וואו דער סאָציאַליזמוס איז פער־טהיידיגט געוואָרען — אין אַ קאַטאָלישען בלאַט.

(,,דהי ניו סענטשורי", דעם 18טען אָקטאָבּער, 1902).

* * *

יעצט פּעהשטעהט איהר שוין פון וואנען נעה־מען זיך סאָציאַליסטישע שטימען אין די ער־טער, וואו מען האט קיין סאָציאַליסטישען אַגי־טאַטאָר, קיין סאָציאַליסטישען פּאַרטיי־בּלאַט אין די אויגען ניט געזעהען? די צאָהל פון יענע וואס שטימען פאר קאַנדידאַטען פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז נאָר אַ קליינער טהייל פון דער גרויסער מאַססע, וואס סימפּאַטהיזירען מיט דעם סאָציאַליזמוס. ביי דער לעצטער עלעקשאָן האבען די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען אין דעם סטייט אָהייאָ געצויגען, ווי מען מעלדעט, אַן ערך פון 20,000 וואוטס, אבער דזשאָנס האט נאָך מיט פיער יאהר צוריק געקראָגען 106,000 וואוטס. סלאָבּאָדין זאָגט, אַז איך האב ניט בּעוויעזען דאס די וואוטס פון זיין פּאַרטיי שטאַמען פון יענע הונדערט און זעקס טויזענד וואוטס. איך האב עס טאַקע ניט געזוכט צו בּעווייזען, ווייל איך האב געדאַכט, אַז עס איז קלאָר פאר יעדען איינעם וואס וויל זעהען. איך קען עס אבער לייכט בּע־ווייזען.

באַלד נאָך יענער עלעקשאָן האט די ,,ניו יאָרקער פּאָלקסצייטונג" געזאָגט ,,דאָס די 106,000 פיר דען זאַגענאַנטען מוניציפּאַל־סאָציאַ־ליסטען דזשאָנז אים שטאַאַטע אָהייאָ אַבּגעגעבּע־נען שטימען אימערהין איינע שטרעמונג צו גונס־טען סאָציאַליסטישער טענדענצען בּעווייזען". ווייטער דערצעהלט דיזע צייטונג אין דעמזעלבּען עדיטאָריעל, דאָס איהרער אַ גענאָססע האט ביי אַ גרויסען קאַמפּיין־מיטינג אין קליוולענד גע־שטעלט דזשאָנסען ,,די פראַגע, אויב ער פיר בּע־זייטיגונג דעם לאָהן־סיסטעמס און עטאַבּלירונג איינעס גענאָססענשאַפטליכען געמיינוועזענס זיי", און דזשאָנס האט אויף דער פראַגע ,,עמפּאַטיש געאַנטוואָרטעט: גאַנץ געוויס, עס גיבּט יאַ קיי־נען אַנדערן אויסוועג". (,,ניו יאָרקער פּאָלקס־צייטונג", 28 נאָוועמבּער, 1899).

אויף פּראָסט אידיש הייסט דאָס, אַז דזשאָנס איז אַ שטיקעל סאָציאַליסט און זיין וואוט שטאַמט פון מענשען וואס סימפּאַטהיזירען מיט דעם סאָציאַליזמוס, ווען די ,,פּאָלקסצייטונג" זאָגט אַזוי, דאַרף מען נאָך אַ בּעסערן בּעווייז? אויב דאָס איז נאָך ניט גענוג, האט איהר דאָ אַ רעפּאָרט פון טאָלידאָ, דאַטירט דעם 6טען אַפּריל 1902, וואס איז ערשינען אין דעם ,,וואָיר־קער":

,,גענאָססע בּראַנג, אונזער קאַנדידאַט פאר מעיאָר, האט 541 וואוטס. אין דער עלעקשאָן לעצטען נאָוועמבּער האט טאָלידאָ אַבּגעגעבּען 1571 וואוטס פאר אונזער סטייט טיקעט. אַלזאָ, עס איז קענטיג, אַז דער גרעסטער טהייל פון זיי זיינען דזשאָנס'עס אַנהענגער מיט דעם סאָציאַ־ליזמוס אויף'ן צווייטען פּלאַן". מילא, וועגען זייער סאָציאַליזמוס מעג מען האבען אַנאַנדער מיינונג ווי דער קאָררעספּאָנדענט פון טאָלידאָ. מען קען איהם אָבער אננעהמען פאר אַן עדות, אַז דער גרעסטער טהייל פון די סאָציאַליסטישע וואוטערס פון טאָלידאָ זיינען צו דערזעלבּיגער צייט דזשאָנס־לייט.

סלאָבּאָדין איז איבּערהויפּט אַ גרויסער אויסקלייבּער: ער וויל ניט אַבּי וועלכע וואוטס, זיי מעגען אַפּילו זיין סאָציאַליסטישע; ער וויל נאָר אַרבּייטער־וואוטס. זעהר שעהן. נו, האט דזשאָנס געהאט די מאַיאָריטעט אין די גרעסטע פינף שטעדט פון דעם סטייט אָהייאָ, נעמליך אין קליוולענד, סינסינעטי, קאָלאָמבּוס, טאָלי־דאָ און דייטאָן. געגען איהם האבען געשטימט די פאַרמערס און די קליינשטעדטעלדיגע בּיר־גער. נאָר ווער ווייס? אפשר איז גאָר אַ סברה, אַז די מאַיאָריטעט פון די וואוטערס אין די גרויסע שטעדט זיינען קאַפּיטאַליסטען און זיי האבען דאָס געשטימט פאר דזשאָנסען? די אמת'ע פּראָלעטאַריער האבען פיליייכט גאָר גע־שטימט פאר מאַרק האַננאַ'ס קאַנדידאַט, וועל־כער איז עלעקטעט געוואָרען! וואס מיינט איהר?

איך האב בּעוויזען מיט ציפערן, אַז די מייס־טע סאָציאַליסטישע וואוטס זיינען צוגעקומען אין יענע סטייטס, וואו די פּאָפּוליסטישע בּעווע־גונג איז אַמאָל געוועזן שטאַרק; וואו זי האט קיינמאָל ניט געשפּיעלט קיין ראָליע, דאָרטען איז דער צוואוקס פון סאָציאַליסטישע שטימען גע־ווען קלענער. פון דעם ציה איך דעם שלוס, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האט גע'יחש'ענט פּאָפּוליסטישע וואוטס. סלאָבּאָדין ציטירט אין זיין אַרטיקעל די ווערטער פון אַ סאָציאַליסטי־שען רעדנער פון די וועסט (ער מיינט וואָלטער טאָמאַס מילז), וועלכער האט ערקלערט, אַז עס זיינען דאָרטען פּאַראַן אַ האַלבּער מיליאָן וואו־טערס וואס זיינען געניגט צום סאָציאַליזמוס. ווער זיינען זיי? געוועזענע פּאָפּוליסטען, וואס זיינען אין 1896 צוגעשטאַנען צו בּרייענען, ער־קלער איך. דער אַלטער פּאַרטיי־פּאַראורטהייל געגען די פּאָפּוליסטען איז ביי די סאָציאַליסטען

פון דער איסט אזוי שטארק, אז זיי ווילען דערפון גאר ניט וויסען. סלאבאדין איז ניט דער איינציגער אין דיזער הינזיכט. הילקאוויץ האט אנגעשריעבען א בוך איבער די געשיכטע פון סאציאליזמוס אין אמעריקא; ער דערצעהלט דארטען פון אלערליי קאמוניסטישע קאלאניעס, פון פיטשינקע פראפאגאנדא פעראיינען, וואס האבען עקסיסטירט מיט א יאהר דרייסיג—פיערציג צוריק, פון די גרינבעקער, פון דער הענרי דזשארדזש בעוועגונג. אבער פון דער פאפוליסטישער בעוועגונג, וואס א סך סאציאליסטען האבען אין איהר אנטהייל גענומען און וואס איהר פלאטפארם איז געווען א סך נעהענטער צום סאציאליזמוס ווי די פלאטפארם פון די גרינבעקער, — פון דער פאפוליסטישער בעוועגונג האט ער גאר ניט וואס צו זאגען. דאס זיינען ניט מיינע רייד, דאס זאגט וועגען זיין בוך סיימאנס, דער רעדאקטאר פון „אינטערנעישאנאל סאשעליסט רעוויו“, — אליין אן אונקאמפראמיסליכער אז עס ברענט גאר; אבער סיימאנס שטאמט פון די וועסט און וויים וואס עס טהוט זיך דארטען. די סאציאליסטען פון די איסט זיינען פשוט ניט בעקאנט מיט די פארטייען אין די וועסט. פון וואנען זאלען זיי זיין בעקאנט? די קאפיטאליסטישע פרעססע פערשוויגט יעדע פראטעסט בעוועגונג, די סאציאליסטישע פרעססע האט צוליעב פארטיי־אינטערעסען אויך אימערצו פארשוויגען יעדע ראדיקאלע בעוועגונג אויסערהאלב דער סאציאליסטישער פארטיי, ביז ענדליך אפילו די פיהרער פון דער פארטיי אין די איסט וויסען אויך ניט פון די פאלקסבעוועגונגען אין די וועסט. סלאבאדין'ס ארטיקעל בעווייזט עס גאנץ דייטליך. איהם ווילט זיך ניט גלויבען, אז דיא היינטיגע סאציאליסטישע בעוועגונג אין די וועסט איז די יורשטע פון דער פאפוליסטישער בעוועגונג. אין דער אמת'ן, ווי קען דאס זיין? די פאפוליסטישע פארטיי איז דאך געווען א „פארטיי פון פארמערס, דורך פארמערס און פאר פארמערס“, און עס דאכט זיך איהם, אז די סאציאליסטישע פארטיי איז א פארטיי וואס בעשטעהט פון ארבייטער, פון פראלעטאריער. ער וויל צוגעבען אז עס זיינען געווען פראלעטאריער וואס זיינען מיטגעריסען געווארען אין די פאפוליסטישע בעוועגונג“, אבער, מאכט ער, „זיי זיינען ניט געווען די וואס האבען געהאט דעם איינפלוס אין דער פאפוליסטישער פארטיי“.

נו, לאמיר־זשע א קוק טאן ווי די זאך האט אויסגעזעהן אין דער ווירקליכקייט. איינער פון די וויכטיגסטע פאפוליסטישע סטייטס איז געווען קאלאראדא. דארטען האבען די פאפוליסטען געהאט אמאל זייערן א גאווערנאר; דארטען האבען זיי צעהן יאהר געהאלטען דיא רעגירונג אין זייערע הענט. אין קאלאראדא האבען דיא פארמערס אויסגעמאכט אין 1890 סך הכל 21.8 פראצענט און אין 1900 נאר 23 פראצענט פון אלע מענער וואס זיינען פערדיענער, שוין איינגערעכענט אלע פארם־ארבייטער. איהר מעגט אננעהמען, אז דער פראצענט פון די וואוטערס איז אויך אונגעפעהר דערזעלבער. ווען אפילו אלע פארמערס וואלטען געשטימט פאר די פאפוליסטען, וואלטען זיי אויך ניט געהאט די מאיאריטעט אין סטייט. עס איז אלזא קלאר, אז דיא וואוטס האבען געמוזט קומען פון ארבייטער. קאלאראדא, מוזט איהר וויסען, איז א סטייט פון מיינערס, און די מיינערס פון קאלאראדא זיינען געווען א מאכט אין דער פאפוליסטישער פארטיי. סלאבאדין מיינט אז „זיי האבען זיך צושיידט וועגען איינע פון די פאפוליסטישע רעאקציאנערע פארדערונגען—די זילבער געלד פארדערונג“. עס איז ווירקליך צום לאכען! די מיינערס פון קאלאראדא זיינען אין דער פארדערונג געווען מעהר פאראינטערעסירט ווי די פארמערס. כל זמן עס איז געווען א געזעץ אז די אמעריקאנער רעגירונג מוז אלע יאהר איינקויפען אויף פופציג מיליאן דאלאר זילבער, איז דער פרייז פון זילבער געווען הויך. די אויף פופציג פראצענט, און א סך מינען האט זילבער־מיינס אין קאלאראדא זיינען געווען שטענדיג ביזי און די מיינערס האבען געהאט שטענדיגע ארבייט און גוטען לוין. ווען דער קאנגרעס האט אין 1893 אפגעשאפט דיזען געזעץ, איז דער פרייז פון זילבער באלד געזונקען מען געמוזט צומאכען, און די מיינערס זיינען געבליעבען אהן ברויט. פארשטעהט איהר שוין וואס פאר א בעדייטונג די „רעאקציאנערע פארדערונג“ האט געהאט פאר די גרובען־ארבייטער אין קאלאראדא? זיי האבען געהאפט, אז ווען די פאפוליסטישע פארטיי זאל אויספיהרען, וועלען זיי ווייטער קריגען שטענדיגע ארבייט און גוטע לוינען.

איך וויל דא ניט אריינגעהן אין די זילבער־פראגע. איך וואלט געקענט בעווייזען אז דער געשריי, דאס די פאדערונג איז אזוי שעדליך פאר די אינטערעסען פון דער ארבייטער־קלאסע, איז ניט ווערטה קיין אויסגעבלאזענע איי. די

סאָציאַליסטען האָבען דאָ גאָר נאָכגעזאָגט, וואָס די באַנקירען האָבען גערעדט, אָבער פאַר אונזער צוועק איז די פראַגע גאָר ניט וויכטיג: זאָל זיין, אַז דיזע פאָדערונג איז געוועזן רעאַקציאָנער, זאָל זיין, אַז זי איז געוועזן געגען די אינטערעסען פון דער ארבייטער-קלאַסע בכלל, די מיינערס פון קאָלאָראַדאָ אָבער וואָלטען פון איהר געהאַט נוצען; און ניט נאָר די מיינערס, וואָרום די מיינס פערברויכען אַלערליי מאַטעריאַלען, מאַשינען, געצייג, און אַזוי ווייטער; ווען די מיינס זיינען בעשעפטיגט איז דער גאַנצער סטייט קאָלאָראַדאָ בעשעפטיגט. דערפאַר זיינען די ארבייטער פון קאָלאָראַדאָ געוועזן די הויפּט-שטיצע פון דער פּאָפּוליסטישער פּאַרטיי.

* * *

פון וואַנען האָט זיך גענומען דער סאָציאַליסטישער וואוטס אין קאָלאָראַדאָ? פון דער וועסטערן פעדערײשאָן אָוו מיינערס, וועלכע האָט זיך ערקלערט צו גונסטען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און האָט שטאַרק אַגיטירט פאַר די פּאַרטיי ביי די עלעקשיאָנס. ווער זיינען אָבער די וועסטערן פעדערײשאָן אָוו מיינערס? דאָס זיינען דיזעלביגע ארבייטער וואָס סטרייקען איצטער געגען דעם זילבער-טראַסט. איז שוין קלאָר, אַז ווייניגסטענס אין קאָלאָראַדאָ זיינען די סאָציאַליסטישע וואוטס געקומען פון די פּאָפּוליסטיש-דעמאָקראַטישע פיוזשאָניסטען?

דאָס זיינען אַזעלכע פאַקטען, וואָס סלאָבאָדין האָט זיי געדאַרפט וויסען און ניט ריידען אין דער וועלט אַריין, אַז אפשר זיינען די סאָציאַליסטישע שטימען פון קאָלאָראַדאָ גאָר געקומען פון די רעפּובליקאַנער, וואָרום „אַ מינאָריטעט פּאַרטיי — פערשטעהט איהר — איז אַ מעהר פרוכטבאַרער פעלד פאַר סאָציאַליסטישע זריעה ווי די פּאַרטיי וואָס האָט די רעגיערונג אין האַנד“! ווייל אין דעם סטייט קאָלאָראַדאָ איז די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי געוועזן אין דער מינאָריטעט, איז זי שוין גאָר געוואָרען אַ „מינאָריטעט-פּאַרטיי“, — די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, וועלכע האַלט די גאַנצע רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאַאַטען אין איהרע הענד! ווער רעדט שוין פון דעם אַז אַלע טראַסטס, אַלע באַנקען האָבען ביז יעצט געהאַלטען די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי אין זייערע הענד? דאָס איז „אַ פרוכטבאַרער פעלד פאַר סאָציאַליסטישע זריעה“! אַזוי ווייט קען מען פערקריכען ווען מען וויל אויס פּאַרטיי-בלינדהייט אפּלייקענען פאַקטען, וואָס יעדער איינער קען זעהען.

זייט דעם לעצטען פּרעזידענשאַל קאַמפּיין, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט קיין אויסזיכטען ניט צו ערוועהלען אַ פּרעזידענט, האָבען זיך פיעלע פּאָפּוליסטישע פיהרער אָנגעשלאָסען אָן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין דעמזעלביגען קאָלאָראַדאָ, איז דער וויים-גאָווערנאָר קאָוטס, וואָס איז ערוועהלט געוואָרען אין 1900 אויף'ן פיוזשאָן טיקעט פון די פּאָפּוליסטען און דעמאָקראַטען, געוואָרען אַ מעמבער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. קאָוטס איז אַ בעקאַנטער טרייד-יוניאָניסט און האָט אַ געוויסען איינפלוס. ווייטער, ווען אַ וויים-גאָווערנאָר פערלאָזט די פּאַרטיי, וואָס האָט איהם עלעקטעד, און שליסט זיך אָן צו אַנאַנדערער, מאַכט דאָס אַ'ן איינדרוק אויף די וואָוטערס. נאַטירליך ביי אַ געהיימען באַללאָט קען מען ניט דערווייזען מיט די נעמען, וועלכע פּאָפּוליסטישע וואָוטערס האָבען זינט דעם געשטימט פאַר די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, עס איז אָבער פאַראַן אַריפמעטיק אויף דער וועלט: אויב די סאָציאַליסטישע שטימען זיינען ניט געקומען פון די פּאָפּוליסטען און דעמאָקראַטען, שטאַמען זיי ניט אַנדערס פון די רעפּובליקאַנער; דאַן האָבען דאָך די רעפּובליקאַנער געמוזט אָנווערען וואָוטס, וויא אַזוי אָבער האָבען זיי געזיעגט איבער די פּאָפּוליסטען און די דעמאָקראַטען?

ווי געזאָגט, האָבען אין דער פּאָפּוליסטישער בעוועגונג אַ שטאַרקען אַנטהייל גענומען די טרייד-יוניאָניסטען; אָבער דאָ מוז איך אייך מעלדען, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז גאָר ניט קיין ריין-פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי. אין די וועסט זיינען צו איהר צוגעשטאַנען אַ סך פון די פּאָפּוליסטישע פאַרמערס גופא, און זיי זיינען די סאַמע רעוואָלוציאָנערע, אונקאָמפּראָמיסליכע; פּאַרקעהרט, די קאָמפּראָמיסלער זיינען גראַדע די טרייד-יוניאָניסטישע מיטגליעדער פון דער פּאַרטיי. ווי געפעלט אייך גאָר אַזאַ סורפּריז?

נור לאָמיך אייך דאָס בעווייזען. מיט אַ קורצע צייט צוריק האָט דער סאָציאַליסטישער סטייט קאָמיטע פון נעבראַסקאַ אָפּגעוויזען אַ'ן אַפּליקיישאָן פאַר אַ טשאַרטער פון אַ לאָקאַל, ווייל די מאַיאָריטעט פון די מעמבערס בעלאַנגען צו דער מיטעל-קלאַסע. מיט אַזעלכע מיטעל זוכט מען צו מאַכען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פאַר אַ פּראָלעטאַריער-פּאַרטיי. ווען זי וואָלט ווירקליך זיין אַ פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריער, וואָלט מען אַזעלכע מיטעל גאָר ניט געדאַרפט.

קענט איהר זיך פאָרשטעלען, אז די חברה אגודת אחים אנשי בערדיטשעוו זאָל פאַסען אַ בעשלוס אז אַ מאַיאָריטעט פון איהרע גבאים מוזען זיין געמל'טע? ווען מען איז געצוואונגען אנצונעה־מען אַ „פּראָצענט נאָרמע" פאַר ניט־פּראָלעטאַ־ריער, בעווייזט עס נאָר, אז היינטצוטאג זיינען די מיטעל־קלאַס־עלעמענטען זעהר שטאַרק פער־טראָטען אין דער פּאַרטיי.

יעצט ספּעציעל וועגען פאַרמערס.

מיט אנדערטהאַלבען יאָהר צוריק, צו דער צייט פון דער פיוזשאָן פון די סאָציאַליסטען מיט דער יוניאָן־ארבייטער־פּאַרטיי אין קאַלי־פאָרניע, זיינען פּערעפּענטליכט געוועזן אין דעם „לאָס אנדזשעלעס סאָשעליסט" אַ רייהע בריעף פון פּאַרטיי־מעמבערס איבער פּאַרטיי־טאַקטיק. איך האָב דאָ קיין פּלאַץ ניט אַלע איבערצו־געבען. איך וועל געבען אַ פּאָאַר ביישפּיעלען.

דער שטאַנדפּונקט פון די געגנער פון פיו־זשאָן מיט דער ארבייטער־פּאַרטיי אין קאַלי־פאָרניע איז אזוי אויסגעדריקט געוואָרען דורך איינעם פון די פיהרער פון יענער ריכטונג, עדגאַר אַלדערמאַן פון סאַקראַמענטאָ, אין אַ'ן ארטיקעל אין דעם „לאָס אנדזשעלעס סאָשע־ליסט" פון דעם 22טען נאָוועמבער 1902.

„ווען עפּעס אַ מין קאָמפּראָמיס־פאָרשלאַג וואָלט געקומען צו אונז פון קאַפּיטאַליסטען אָדער זייערע פערטרעטער, וואָלטען מיר גע־וואוסט וואָס צו זאָגען. אבער אַ'ן ארבייטער־פּאַרטיי! אָן אמת'ע פּראָלעטאַרישע אָרגאַני־זאַציאָן! אַ יוניאָן־ארבייטער־פּאַרטיי! וואָס נאָך קען אַ סאָציאַליסט זאָגען וועלכער האָט די גאַנ־צע צייט געדענקט אז די סאָציאַליסטישע פּאַר־טיי איז איינפאַך אַ פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַ־ציאָן פון די ארבייטער צום צוועק צו נעהמען בעזיטץ פון דער רעגירונגס־מאַשין? און דאָ ווערט פּלוצלונג געבאָרען אַ יונגער ריעז, אַ פּאַר־טיי, וועלכער ערפּילט אַלע פאָדערונגען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, קלאַסען־בעוואוסט ווי די האַרץ קען נאָר ווינשען... איך בין שוין זעהר אָפּט געצוואונגען געוועזן צו פייטען אין דער פּאַרטיי פאַר דעם פּרינציפּ, דאָס אונזער פּאַרטיי איז ערסטענס אַ סאָציאַליסטישע און נאָר צווייטענס אַ'ן ארבייטער־פּאַרטיי... דאָס וויכטיגסטע בעוואוסטזיין פאַר סאָציאַליסטען און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז דאָס בע־וואוסטזיין פון סאָציאַליזמוס און ניט בלויז קלאַסען־בעוואוסטזיין, וועלכע די נייע פּאַרטיי האָט גענוג".

איך וואָלט געקענט ברינגען אַ סך אנדערע אַרטיקלען, וועלכע זיינען אין דעמזעלבען זין געשריעבען געוואָרען צו דער צייט פון דער דע־באַטע איבער פיוזשאָן אין קאַליפאָרניאַ; אבער עס וועט גענוג זיין איין אַרטיקעל פון דעם אָר־גאַנייזער פון דער סעקציאָן אזוזאַ, איינע פון די שטאַרקסטע לאָקאַלס אין קאַליפאָרניאַ, וועל־כע בעשטעהט, ווי ער זאָגט, הויפּטזעכליך פון פאַרמערס. „פון די רעפּאָרטס פון אונזער סטייט קאָנווענשאָן ווייזט זיך אויס, דערצעהלט ער, אז די פאַרמערס פעראייניגען זיך אויף די פּרינציפּען פון סאָציאַליזמוס גיכער, איידער זייערע ברידער, די לאָהן־ארבייטער, און דעם פאַרמערס מלאכה איז זעהר קענטיג אין דער סטייט־פּלאַטפאָרם. דאָס געפעלט גאָר ניט דיא יעניגע, וואָס ערקלערען, אז די גאַנצע סאָציאַ־ליסטישע בעוועגונג איז אָרגאַניזירט נאָר פאַר דעם לאָהן־ארבייטער. די ברייטע פּרינציפּען פון אַלגעמיינע ברידער־שאַפט און די גרויסע אַל־געמיינע בעפרייאונגס־בעוועגונג ווערט אין גאַנצען פערגעסען אין דיזער ערקלערונג פון דער לאָהן־ארבייטער קלאַסע. דאַכט זיך, אַ'ן אַטאַקע אויף די גרויסע טראַסט מאָנאָפּאָלען, וועלכע דערשטיקען אַלע אינדוסטריעלע שקלאַ־פען צוגלייך, האָט געזאָלט זיין גענוג צו פער־אייניגען אונזערע קרעפטע און בענעפיטען אַלע־מען, ניט נאָר די ארבייטער־קלאַסע".

עס איז גאַנץ קלאָר, אז דער פאַרמער האָט גאָר אַ קנאַפּען אינטערעס אין דעם טרייד־יוניאָניסטישען קאַמפּף, און ער איז נאַטירליך געגען אַ פעראייניגונג מיט אַ יוניאָן־פּאַרטיי. דאָס איז בפירוש געזאָגט געוואָרען פון דער קאָמ־פּראָמיסליכער זייט, וועלכע האָט בעהויפּטעט אז געגען „פעראייניגונג אויסשליסליך מיט דער לאָהן־ארבייטער־קלאַסע" זיינען „יענע פּאַרטיי־מעמבערס, וועמעס בעשעפטיגונג און אונמיטעל־באַרע אינטערעסען ליגען אין ערגעץ אַנאַנדער קלאַס". (בריעף פון וו. ג. ראַנדאַל פון האָלי־וואוד, קאַליפאָרניאַ, דעצעמבער 1, 1902, אין דערזעלבער צייטונג.)

דערפון קענט איהר זעהען, ווי ווייניג סלאָ־באָדין איז בעקאַנט מיט דער לאַגע אין די וועסט.

און סלאָבאָדין איז ניט אַבי ווער, ער איז געוועזן דער נאַציאָנאַל־סעקרעטער פון דער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַ העכסט־קריטישען מאָמענט. ווען די איבריגע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי אין די איסט ווייסען ניט מעהר וויא

סלאָבאָדין וואָס עס טהוט זיך אין די וועסט, וואָס פאַר א בעווייז דאַרף מען נאָך מעהר אז די סאָציאַליסטען פון די איסט פערשטעהען ניט די סאָציאַליסטען פון די וועסט?

מען האָט שוין מיר געשטעלט די פראַגע, וואָס וויל איך בעווייזען דערמיט, אז די סאָציאַליסטישע שטימען זיינען געקומען פון דער פּאָפּוליסטישער בעוועגונג,—וואָס מאַכט דאָס אויס פון וואַנען זיי זיינען געקומען? פרעגט מען.

עס האָט א גאַנץ וויכטיגע, פּראַקטישע בעדייטונג, ענטפער איך. ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געקראָגען די 280,000 וואָוטס דורך איהר אייגענע אַגיטאַציאָן, קען מען זיך איינריידען, אז דאָס זיינען אונקאָמפּראָמיסליכע, רעוואָלוציאָנערע וואָוטס, און עס איז א צייכען, אז די וואָוטערס זיינען איינפערשטאַנען מיט דער טאַקטיק פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ווען אַבער עס זיינען זייטיגע סימפּאַטייזערס, וועלכע האָבען אָפּגעגעבען זייערע וואָוטס פאַר די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, ווייל זיי זיינען אַליין הערגאַנגען צום סאָציאַליזמוס, סיי דורך דעם איינפלוס פון די פערשידענע רעפאָרם־בעוועגונגען, סיי דורך די אַלגעמיינע פּרעסע,—דאַן איז א פראַגע, צי קען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זיי אָנהאַלטען מיט איהר היינטיגער טאַקטיק?

(שלום פּאָלגט.)

# ווערטה־טהעאָריען.

3.

## די אַרבייטס־ווערטה־טהעאָריע.

דיא אַרבייטס־ווערטה טהעאָריע, אין איהר פּאָלענדעטער פאָרם וויא מיר געפינען זיא ביי קאַרל מאַרקס, ערקלערט דיא אורזאַכע און די מאָס פון דעם ווערטה פון וואַארען אין א וואַארענגעזעלשאַפט אויף אַזאַ אופן, דאָס מען קען פערשטעהען אַללע ערשיינונגען אינ'ם עקאָנאָמישען לעבען פון דער געזעלשאַפט. אַבער אום מיר זאָלען קענען פערשטעהען דיעזע טהעאָריע מוזען מיר האַלטען אין זינען דעם אונטערשיעד צווישען ו ו ע ר ט ה און פּ ר י י ז.

אין פלוג דוכט זיך, אז דאָס איז אַזאַ פּראָסטע זאַך דאָס מען דאַרף וועגען דעם אפילו ניט ריידען: אַללע ווייסען דאָס אַמאָל קויפט מען זאַכען אונטער'ן ווערטה, דאָס הייסט, דער פּ ר י י ז וועלכען מע בעצאָהלט איז קלענער פון'ם ווערטה, און אַמאָל מוז מען בעצאָהלען מעהר וויא א זאַך איז ווערטה. דאָך איז גוט וועגען דעם צו דערמאַנען, ווייל פיעלע פון דיא טהעאָרעטיקער האָבען וועגען דיזער איינפאַכער ערשיינונג פערגעסען. דער גאַנצער טראָבעל פון דער טהעאָריע פון אַנגעבאָט־און־נאָכפראַגע בעשטעהט אייגענטליך אין דעם וואָס מען מישט צוזאַמען ווערטה מיט פּרייז. מען מוז אויך ניט צוזאַמענמישען דעם ווערטה פון א זאַך אַלס וואַארע און דעם ווערטה פון דערזעלבער זאַך אַלס געברויכס־מיטעל. דאָס וואָס א זאַך איז ווערטה פאַר דער פּערזאָן וואָס געברויכט זיא, נאָכדעם וויא זיא איז צוריק געצויגען געוואָרען פון'ם געזעלשאַפטליכען מאַרק און ווערט פערצעהרט אינ'ם פּריוואַט געברויך, איז זאָ צו זאָגען פּריוואַט־זאַכע. דיא זעלבע זאַך קען האָבען פיעלע פערשיעדענע ווערטהע פאַר פערשיעדענע פּערזאָנען. דיזער ווערטה האָט גאָר ניט צו טהון מיט'ן ווערטה וגאָכ דיזעלבע זאַך האָט, ווען זיא איז נאָך א וואַארע אויפ'ן געזעלשאַפטליכען מאַרק איידער זיא ווערט צוריק געצויגען פאַר'ן פּריוואַט געברויך. דער ווערטה וואָס א זאַך האָט אַלס וואַארע שטעהט אין קיין בעציעהונג מיט דעם ווערטה פון א זאַך אַלס געברויכס־מיטעל,

אבוואהל יעדע וואארע מוז נאטירליך אויך האבען געברויכס־ווערטה ווייל מענשען פראדוצירען ניט און האנדלען ניט מיט זאכען, וועלכע זיי ווילען ניט געברויכען. מיט אנדערע ווערטער: איידער א זאך קען האבען ווערטה אלס א וואארע מוז זיא האבען געברויכס־ווערטה, אבער דער פאקט אליין דאס זיא האט געברויכס־ווערטה, מאכט זיא נאך ניט פאר קיין וואארע.

אום א זאך זאל זיין א וואארע, אום זיא זאל האבען ווערטה אויפ'ן געזעלשאפטליכען מארק, מוז זיא זיין דער פראדוקט פון געזעלשאפטליכער ארבייט, פון ארבייט וועלכע א מענש האט געספענט צום נוצען פון דער געזעלשאפט. דיא מענשליכע ארבייט איז דיא אורזאכע און דיא מאס פון'ם ווערטה וועלכען דיא וואארע האט. דיא וואארע האט ווערטה, ווייל עס האט געקאסט מענשליכע ארבייט זיא צו פראדוצירען, און זיא האט א זוי פיעל ווערטה ווי פיעל מענשליכע ארבייט עס איז אין איהר אריינגעלעגט געווארען. אויפ'ן מארק, וואו וואארען ווערן אויסגעטוישט נאך זייער ווערטה, ווערט זייער ווערטה געמאסטען נאך דער מענשליכער ארבייט, וועלכע איז אין זיי, זא צו זאגען, איינגעקערפערט, נאך דער גרויס פון דער מענשליכער ארבייט וואס עס האט גענומען זיי צו פראדוצירען.

עס מאכט ניט אויס וואס פאר ארבייט. וועהרענד דער רעזולטאט פון מענשליכער ארבייט איז פערשיעדען, די פראדוקטען פון מענשליכער ארבייט זיינען פון פערשיעדענער קוואליטעט, האבען פערשיעדענע מעלות, איז דיא ארבייט אליין גאנץ גלייך אין דיעזער הינזיכט, זיא האט דיעזעלבע איינציגע קוואליטעט צו פראדוצירען זאכען וועלכע זיינען ניטצליך פאר דער מענשליכער געזעלשאפט. עס איז דארום ניטא קיין אונטערשיעד אין דער קוואליטעט פון דער ארבייט וועלכע איז איינגעקערפערט אין פערשיעדענע וואארען. דער אונטערשיעד קען בלויז זיין אין דער קוואנטיטעט. דיא קוואנטיטעט פון מענשליכער ארבייט ווערט געמאסטען דורך דיא לענג פון דער צייט, וועלכע דיא מענשליכע ארבייט האט פערברויכט אין דער פראדוקציאן פון א וואארע. נאטירליך, עס איז פאראן קאמפליצירטע אדער געלערנטע ארבייט, וועלכע פראדוצירט מעהר ווערטה וויא געוועהנליכע ארבייט, אבער דיעזע ארבייט, זייענדיג ניט מעהר וויא געוועהנליכע ארבייט אין א העכערער מדרגה קען רעדוצירט ווערען אויף איינפאכע ארבייט. א טאג קאמפליצירטע ארבייט קען פערעכענט ווערען פאר צוויי, דריי אדער מעהרערע טעג פון איינפאכער ארבייט, נאך דעם גראד פון דער קאמפליצירטהייט אבער עס בלייבט שליעסליך אלץ א געוויסע צאהל טעג איינפאכער מענשליכער ארבייט. דער ווערטה פון א וואארע הענגט דארום אב פון דער צאהל שטונדען אדער טעג איינפאכער ארבייט, וואס איז אוועקגעגאנגען אויף איהר פראדוקציאן. ווען צוויי וואארען ענטהאלטען אין זיך דיעזעלבע מאס מענשליכער ארבייט, האבען זיי דעמזעלבען ווערטה און ווערען אויפ'ן מארק אויסגעטוישט גלייך אויף גלייך, אדער, אין אונזער געזעלשאפט, וואו אלע ווערטה אדער, אין אונזער געזעלשאפט, וואו אלע ווערטהע דריקען זיך אויס אין דער פארמע פון געלד, זיי ווערען ביידע אויסגעטוישט פאר דער זעלבער סוממע געלד.

מען מוז אבער אימער געדענקען, אז דא האנדעלט זיך וועגען א געזעלשאפטליכע ערשיינונג. דער ווערטה פון א וואארע הענגט דארום ניט אב פון דעם, וויפיעל ארבייט פון אירגענד וועלכען פריוואט־פראדוצענט אדער פראדוצענטען זיא ענטהאלט אין זיך, זאנדערן וויפיעל מענשליכע ארבייט פון דורכשניטליכער ארבייטס־קראפט ביי דער אנווענדונג פון דיא געוועהנליכע פראדוקציאנס־מיטעל, וועלכע ווערן געברויכט אין דער געזעלשאפט, עס מוז פערברויכט ווערען אויף דער פראדוקציאן פון דיזער וואארע. מיט אנדערע ווערטער: א וואארע איז ניט ווערטה אזוי פיעל, וויפיעל ארבייט עס איז צופעליגער ווייזע פערברויכט געווארען אויף איהר פראדוקציאן, אונטער בעזאנדערע אומשטענדען, זאנדערן וויפיעל ארבייט עס דארף פערברויכט ווערען אויף דער פראדוקציאן פון דיעזער וואארע אונטער דיא פראדוקציאנס־אומשטענדען און מיט דיא פראדוקציאנס־מיטלען, וועלכע זיינען איינגעפיהרט אין דער געזעלשאפט.

דיעזעס איז ריכטיג וועגען אללע וואארען, וועלכע ווערען פערקויפט אויפ'ן מארק. אין א וואארענגעזעלשאפט, וואו דיא מעהרצאהל מענשען לעבען פון דעם, וואס זיי פערקויפען זייער ארבייטס־קראפט צו אנדערע, איז דיא מענשליכע ארבייטס־קראפט פונקט אזא וואארע אויפ'ן מארק וויא יעדע אנדערע און איהר ווערטה אלס וואארע ווערט בעשטימט פון דיזעלבע געזעצען וואס בעשטימען דעם ווערטה פון אנדערע וואארען. דיא מענשליכע ארבייטס־קראפט איז דא־

רום ווערטה אזוי פיעל, וויפיעל מענשליכע ארבייט עס קאסט זיא צו פראדוצירען, דאס הייסט, אזוי פיעל, וויפיעל לעבענס־מיטעל עס געהט אוועק ביי דער פערזאן אויסצוהאלטען דיא ארבייטס־קראפט, וואס ווערט געקויפט אונטער די געזעלשאפטליכע אומשטענדען, אונטער וועלכע ער לעבט, ווייל דיא לעבענסמיטעל וועלכע ער פערצעהרט מיט זיין פאמיליע זיינען דיא איינציגע קאסטען, וועלכע עס זיינען נעטהיג דיזע ארבייטס־קראפט צו פראדוצירען און רעפראדוצירען.

פונקט וויא ביי אירגענד וועלכער אנדערער וואארע, זא אויך ביי דער וואארע ארבייטס־קראפט איז דער ווערטה פון דער איינצעלנער וואארע אויפ'ן מארק ניט דער רעזולטאט פון איהרע אייגענע בעזאנדערע פראדוקציאנס־אומשטענדען, זאנדערן פון דיא געזעלשאפטליכע פראדוקציאנס־אומשטענדען. דאס הייסט, דער ווערטה פון א געוויסער פערזאן'ס ארבייטס־קראפט הענגט ניט אב פון דער ארט, אין וועלכער דיזע פערזאן לעבט און פראדוצירט דיא ארבייטס־קראפט, זאנדערן פון דיא לעבענס־אומשטענדען וועלכע איז פארהערשענד אין דער ארבייטער קלאססע פון דער געזעלשאפט וואו דיא ארבייטס־קראפט ווערט פערקויפט.

דיעזע וואארע ארבייטס־קראפט האט אבער איין מערקווירדיגע אייגענשאפט, וועלכע קיין אנדערע האט ניט, און דאס איז נעמליך: אז וועהרענד ביי אנדערע וואארען פערשווינדט דער וואארען־ווערטה דארט, וואו דער געברויכס־ווערטה ווערט בענוצט, בעשטעהט דער געברויכס־ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט אין דעם, וואס זיא שאפט וואארען־ווערטה, אויך וועהרענד א'ן אנדער וואארע, ווען זי ווערט געברויכט אלס פראדוקציאנס־מיטעל צו שאפען אנדערע וואארענווערטה, קען זיא בלויז צוריק געבען אין פראדוקציאנס פראצעס איהר אייגענעם ווערטה, זא דאס מען קריגט ארויס נאך'ן פראדוקציאנס־פראצעס דעמזעלבען ווערטה, וואס מען האט געהאט פאר'ן פראדוקציאנס־פראצעס נ י י ע האט פאר'ן פראדוקציאנס־פראצעס בלויז אין א'ן אנדער פארמע; שאפט דיא ארבייטסקראפט אין פראדוקציאנס־פראצעס נ י י ע ו ו ע ר ט ה, זא דאס נאך דעם פראדוקציאנס פראצעס, אין וועלכען דיא ארבייטס־קראפט איז געברויכט געווארען, האבען מיר ניט בלויז דעם ווערטה פון דיא פערטהאנענע ארבייטס־קראפט, זאנדערן נאך א צוגעזעצטע ווערטה, א מ ע ה ר־ו ו ע ר ט ה, וויא קארל מארקס רופט עס.

דיעזער פונקט, דער אונטערשיעד אין דיא אייגענשאפטען פו' דער וואארעארבייטס־קראפט און אנדערע וואארען, איז דער וויכטיגסטער פונקט אין דער ארבייטס־ווערטה־טהעאריע, און מען דארף איהם גענויער בעטראכטען. ווען א קאפיטאליסט קויפט א רויהע וואארע, לאמיר זאגען, וואלל, און פערקויפט זיא אין דער פראדוקציאן פון א געוויסען פערטיגען פראדוקט, בלייבט די רויהע וואארע נאך דער פראדוקציאן אין דערזעלבער קוואנטיטעט וויא פריהער; דורך דער פראדוקציאן איז קיין וואלל ניט צוגעקומען. נאטירליך, איז דער ווערטה פון וואלל געבליעבען דערזעלבער. ווען דער פראדוקט, וועלכע מען האט געמאכט פון וואלל, איז ווערטה מעהר וויא דיא רויהע וואלל איז ווערטה געווען, איז עס ניט דער רעזולטאט פון דער וואלל וואס מען האט געברויכט אין פראדוקציאנס פראצעס. אין דעמזעלבען פראדוקציאנס־פראצעס אין וועלכען דיא וואלל איז געברויכט געווארען, האט דער קאפיטאליסט אויך געמוזט געברויכען מענשליכע ארבייט, אום פון דער וואלל צו קריגען דעם געווינשטען פראדוקט. וואלל, וויא אללע וויסען, קען זיך אליין ניט בעארבייטען, מען מוז דערצו האבען מענשליכע ארבייט, לאמיר זאגען, מען דארף האבען צוואנציג ארבייטס־טעג. דער קאפיטאליסט איז ארויסגעגאנגען אויפ'ן ארבייטס־מארק קויפען ארבייט. אויפ'ן מארק פארקויפט מען אבער קיין ארבייט ניט. עס איז איבערהויפט אין ערגעץ ניט צו קריגען קיין גרייטע ארבייט אלס אזעלכע, דיא ארבייט וועלכע איז דא איז איינגעקערפערט אין פראדוקטען. דאס איז ארבייט, וועלכע איז שוין פערברויכט געווארען אייף דער פראדוקציאן פון זאכען און וועלכע מען קען דארום שוין מעהר ניט געברויכען פאר פראדוקציאנס־צוועקען. אום צו קריגען דיא ארבייט, וועלכע ער דארף האבען פאר זיינע פראדוקציאנס צוועקען, מוז דער קאפיטאליסט קויפען א ר ב י י ט ס־ק ר א פ ט, דאס הייסט, ער מוז דינגען מענשען, וועלכע זאלען איהם ספעציעל אבגעבען אויף א צייט זייער ארבייטס־קראפט און שאפען ארבייט. פאר דיזע ארבייטס־קראפט וועלכע דער קאפיטאליסט קויפט אויפ'ן מארק וויא יעדער אנדער וואארע, מוז ער בעצאהלען דאס וואס זיא איז ווערטה, וויא ער בעצאהלט פאר דעם ווערטה פון וואלל.

וויפיעל איז דיא ארבטס־קראפט פון צוואנ־

ציג ארבייטס־טעג ווערטה? מיר האבען שוין פריהער געזעהען, דאס דיא וואארע ארבייטס־קראפט איז ווערטה אזוי פיעל וויפיעל מענשליכע ארבייט עס קאסט זיא צו פראדוצירען, דאס הייסט, וויפיעל עס איז נעטהיג פאר איין ארבייטער צו לעבען צוואנציג ארבייטס־טעג אונטער דיא בעשטעהענדע אומשטענדען פון דער ארבייטער־קלאססע אין דער געזעלשאפט. דער קאפיטאליסט מוז דארום בעצאהלען פאר דער ארבייטס־קראפט דאס, וואס דער ארבייטער מוז פארלעבען אין צוואנציג ארבייטס־טעג. א'ן ארבייטער קען אבער פראדוצירען מ ע ה ר ווי ער פערלעבט. דער בעוויז איז, דאס אזוי פיעל מענשען לעבען אהנע צו ארבייטען, און דאס א חוץ דעם שפארט מען נאך, זא דאס דיא געזעלשאפט ווערט אלץ רייכער און רייכער. דער קאפיטאליסט בעצאהלט דארום דעם ארבייטער ו ו ע נ י ג ע ר, וויא דאס וואס דער ארבייטער פראדוצירט אין דיא צוואנציג טעג, אדער דער ארבייטער פראדוצירט אין דיא צוואנציג טעג מעהר ווערטה וויא זיין ארבייטס־קראפט איז ווערטה געוועזן און וויא דער קאפיטאליסט האט בעצאהלט פאר איהר.

מיר זעהען אלזא, דאס איידער דער קאפיטאליסט האט אנגעפאנגען דעם פראדוקציאנס־פראצעס האט ער געהאט א געוויסען ווערטה אין וואלל און א געוויסען ווערטה אין ארבייטס־קראפט. ביידע האט ער געקויפט אויף'ן וואארען־מארק און בעצאהלט דאס וואס זיי זיינען ווערטה געוועזן. נאך'ן פראדוקציאנס־פראצעס האט ער צוריקגעקראגען אין'ם וואללענעם פראדוקט דעם זעלבען וואלל־ווערטה וואס ער האט געהאט פאר דער פראדוקציאן, און די ארבייטס־קראפט, וואס ער האט געקראגען פאר'ן פראדוקציאנס־פראצעס צוזאמען מיט איהר מ ע ה ר ־ ו ו ע ר ט ה, וועלכען זי האט בעקומען אין'ם פראדוקציאנס־פראצעס, וועהרענד זי האט זיך פערוואנדעלט פון ארבייטס־קראפט אין ארבייט. אט דיזער מ ע ה ר ־ ו ו ע ר ט ה וואס די ארבייטס־קראפט פראדוצירט, איז עס דער פ ר א ד ו ק ט וואס דער פראדוקציאנס־פראצעס בריינגט דעם קאפיטאליסט.

די ארבייטס־ווערטה־טהעאריע איז דארום די איינציגע טהעאריע, וועלכע ערקלערט די א ו ר ז א כ ע פון'ם ווערטה פון וואארען און שאפט א מ א ס, מיט וועלכער מען קען דיזען ווערטה אויסרעכנען און אבשאצען. זי ערקלערט די הויפט־ערשיינונג פון אונזער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט—דעם פ ר א פ י ט, וועלכען קיין אנדערע טהעאריע קען ניט ערקלערען. אבער דאס איז ניט אלעס. זי ערקלערט א גאנצע רייהע עקאנאמישע ערשיינונגען אין אונזער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, וועלכע קיין אנדערע טהעאריע קען ניט ערקלערען, און גיבט די מעגליכקייט אויפצובויען א גאנצע עקאנאמישע וויסענשאפט. דיזע ערשיינונגען און עקאנאמישע טהעאריען וועלען בעהאנדעלט ווערען אין אונזערע שפעטערע ארטיקלען. מיר וועלען אויך בעהאנדלען די חסרונות, וועלכע אנדערע טהעארעטיקער האבען געפונען אין דיזער טהעאריע. דאס וועט אונז אויך געבען א געלעגענהייט צו בעהאנדלען די זאגענאנטע „עסטרייכער שולע", וועלכע איז די לעצטע צייט אזוי שטארק אריין אין מאדע. *)

ל. בודיאנאוו.

---

נ. ב. — נאכדעם וויא דיזע אבהאנדלונג איבער ווערטה־טהעאריען איז געווען אנגעשריעבען, איז אין „פארווערטס" ערשיענען א רעצענזיע איבער דעם אנפאנג וואס איז געדרוקט געווען אין יאנואר נומער „צוקונפט". דער רעצענזענט, דר. פארנבערג, ערקלערט, דאס דער ארטיקעל איז ניט בעפרידיגענד דערפאר, ווייל איך שטעל זיך אב אויף אזא „אבגעלעבטע", „אבערפלעכליכע" טהעאריע, ווי די פון אנגעבאט און נאכפראגע, און דערמאן ניט מיט קיין ווארט „אללע סוביעקטיוויסטישע טהעאריען". ווען דער רעצענזענט וואלט געהאט אביסעל געדולד און אבגעווארט מיט זיין „קריטיק" ביז די ארטיקלען וועלען זיך ענדיגען, וואלט ער געוואהר געווארען, דאס די „נייעסטע, סאמע מאדנע" טהעאריע פון גרענץ־נוטצען איז א נייע אויפלאגע פון דער „אבגעלעבטער" טהעאריע פון אנגעבאט און נאכפראגע.

„דאס לעצטע ווארט" וואס די סוביעקטיווע ריכטונג האט ארויסגעזאגט, איז דיזעלבע אלטע יענטע פון אנגעבאט און נאכפראגע, נור אנדערש פערשלייערט, אבער דאך דיזעלבע יענטע! ער וואלט דאן נאך געוואהר געווארען פיעלע אנדערע זאכען, וועלכע רעצענזענטען וואלטען געמעגט וויסען און וועלכע ער וועט, האפענטליך, געוואהר ווערען, ווען ער וועט לעזען די ארטיקלען מיט מעהר אויפמערקזאמקייט און וועט זיך ניט איילען צו כאפען די פיש פאר דער נעטץ..... ל. ב.

# מאַנאַ וואַנאַ

„וואו אַ חכם קומט, הערען
אויף פיעלע דראַמען“.

צייט אַ יאהר צעהן איז דער נאָמען פון דעם יונגען בעלגישען שרייבער, מאָריס מעטערלינג, בעקאַנט געוואָרען אין דער ליטעראַרישער וועלט. ער האָט געפונען פיעלע פריינדע צווישען די וועלכע נעהמען אַנטהייל אין די לעצטע און נייעסטע ערשיינונגען אין דער מאָדערנער וועלט־ליטעראַטור. ער איז מייסטענס בעקאַנט אלס סימבאָליסט, וועלכער בעהאַלט דיא בעסטע אויספיהרונגען פון זיינע דראַמען הינטער האַלבע ווערטער און אונבעשטימטע מענשען און וויל ניט זאָגען און ניט צייגען דיא טיעפסטע שטעלען אין זיי, נור ער וויל אונז מאכען פיהלען און עמפפינדען אזוי, אַז דיא גדאַנקען זאָלען צו אונז אַליין קומען, אזוי וויא אַ'ן ענטפּלעקונג; פון דיא דונקעלע כמאַרע זאָל זיך אונז צייגען דער שטראַהל פון ליכט און אַלעס וועט העלל ווערען; פון דיא אונבעשטימטע פיגורען פון שאַטענבילד זאָל ווערען אַ פעסט־בעשטימטער בילד אין דעם צושויערס בעגריף און דער בילד וועט דאַן אַנהייבען צו לייכטען אין אַלע פאַרבען פון דעם רעגענבויגען און דיא מענשען וועלען פיהלען און פערשטעהן מעהר וויא אַלע ווערטער פון דעם שרייבער וואָלטען זיי געקענט זאָגען.

דאָס איז ניט דיא גאַנצע טהעאָריע פון דער סימבאָלישער קונסט, אָדער איהר גרונדגעדאַנק. מען קען זעהן דיא שוויריגקייט דיעזען פרינציפּ אין דער דראַמאַ דורכצופיהרען אין ווירקליכען טהעאַטער מיט דעם דורכשניטס־פובליקום אפילו פון דיא בעסטע שטעדט. עס פאָדערט זיך דערצו, פריהער פאַר אַלעס, אַ קינסטלער מיט אַ גרויסען פסיכאָלאָגישען וויסען און קענען, וועלכער זאָל שאַפען אַ דראַמאַ פון פּאַסירונגען צו בעוועגען דיא מענשען אין דיא חדרי חדרים פון זייער נשמה און אזוי צוטרייסלען זייערע נערווען, אַז דיא געוועהנליכע מיטלען פון דער מענשליכער שפּראַכע זאָלען זיין ניט עדעל און צאַרט גענוג, ניט הויך און טיעף גענוג, ניט טריי און וואַהרהאַפטיג גענוג, אום אַרויסצוגעבען דיא אַלע געפיהלען און גדאַנקען, וועלכע ווערען ארויסגערופען אין זיי. דאַן איז נעטהיג דערצו אַ קאָמפּאַני פון עקטאָרס אין וועלכער יעדער איינצעלנער מוז זיין אַ מייסטער אין ארויסגעבען מענשליכע געפיהלען, אַ קינסטלער וועלכער זאָל האָבען גרויסקייט גענוג אָהן שרייען און שמערץ גענוג אָהן זיפצען. דאָס לעצטע און וויכטיגסטע פון אַלעס איז, צו האָבען אַ פובליקום פון גוטער בילדונג און נאָך מעהר פערשטאַנד פאַר דיא דראַמאַטישע קונסט; אַ פובליקום, וואָס זאָל וויא אַ גוטער מוזיק־אינסטרומענט קלינגען אונטער דער האַנד פון דעם מייסטער; אַ פובליקום פון מענשען, פאַר וועלכע עס שיינט דיא זונן און וואַקסט דיא בלום, וועלכע הערען דיא מוזיק פון ווינד און פיהלען דעם פולס פון דעם מענשליכען געניוס.

אַ קאַנזעקווענטע סימבאָליסטישע דראַמאַ אונטער דיא פערהעלטניסע פון אונזער צייט איז אַלזאָ אַ מעגליכקייט נאָר פאַר איינינגע אויסגעקליבענע; אבער פאַר דעם גרעסערען טהייל פון דיא טהעאַטער־געהער, שוין ניט רעדענדיג פון דער גרויסער מאַססע, איז אַזאַ דראַמאַ ארויסגעוואָרפען. עס זיינען דאָ פיעלע גרינדע צו זאָגען אַז דער גרויסער מייסטער פון דער סימבאָלישער דראַמאַ, מאָריס מעטערלינק, האָט איינגעזעהען שוין לאַנג דיא שוועריגקייטען, פון וועלכע מיר האָבען אויבען גערעדט, יעדענפאַלס ענטהאַלט זיין לעצטע דראַמאַ, „מאַנאַ וואַנאַ“ זעהר ווייניג סימבאָליזמוס פון דעם סאָרט, וועלכען מיר געפינען אין אַלע זיינע פריהעריגע דראַמען. „מאַנאַ וואַנאַ“ איז אַ דראַמאַ, וועלכע איז אַזוי רעאַליסטיש וויא ווייט דער אינהאַלט פון דיא פּאַסירונגען ערלויבט עס; זיא איז אזוי בעלויכטען, אַז ניט נאָר איז יעדע ערשיינונג קלאָר פאַר זיך, נור עס דוכט זיך אונז, אַז מען קען אַריינזעהן אין דיא נשמות פון דיא פּערזאָנען אין דער דראַמאַ וויא דורך אַ קריסטאַלענעם פענסטערל. דאָס וואָס מיר זעהען אין דיעזע

קלאָרקייט, זיינען מענשען מיט דער גרויסקייט פון חכמה און מיט דער רוהיגקייט פון דער **גרויסער מענשענליעבע, וועלכע הייבט זיך אי־**בער אלע פערזענליכע און נאַציאָנאַלע פאָראורטהיילע; גלייכט אויס אלע גריבער און געהט מיט א רוהיגען שוועבענדען טריט איבער דעם גלייכען וועג. דע „מאָנא וואַנא" איז א דראַמאַ פון חכמים; חכמה אין דער ברייטעסטער בעדייטונג פון וואָרט איז דער שטאַרקסטער פונדאַמענט פון איהר דראַמאַטישען אינהאַלט.

* * *



מאָררים מעטערלינג.

מיר דאַרפען וויסען, אז אויסער דעם וואָס מאָררים מעטערלינג האָט געשאַפען א גאַנצע רייהע פון דראַמען, האָט ער זיך אויך בעשעפטיגט מיט אלגעמיין פילאָזאָפישע פראַגען. מעטערלינק איז ניט קיין פאָרשער אין דעם סטריקט וויסענשאַפטליכען זינן, אבער ער איז א דענקער און א חקרן, וויא יענע אַלטע פילאָזאָפען פון גריכענלאַנד, וועלכע פלעגען זוכען דיא געהיימניסע פון דער וועלט־נשמה. מעטערלינג האָט געשריעבען און געדרוקט עטליכע ביכער אלס א רעזולטאַט פון זיינע פילאָזאָפישע געדאַנקען און איינעם פון זיי האָט ער געגעבען דעם טיטעל: „חכמה און שיקזאַל". אין „חכמה און שיקזאַל" בעשעפטיגט זיך מעטערלינג מיט דער פראַגע וואָס אמת'ע חכמה איז און וועלכען איינפלוס דיא פערזענליכע חכמה האָט אויף דעם מענשליכען שיקזאַל.

אונטער חכמה פערשטעהט מעטערלינג ניט וויטץ און ניט דיא געוועהנליכע קלוגהייט פון דעם פראַקטישען לעבען, ער פערשטעהט אונטער איהר א ריכטיגע וועלט־אַנשויאונג—אַזאַ קוק אויף דער ווייסער וועלט מיט אלע בעשעפעניסען אין איהר, דיא זונן און דיא פּלאַנעטען, וועלכער זאָל זיין א ריכטיגער און טרעפענדער, ווע־ניגסטענס אזוי ריכטיג וויא מיר קענען עס צו רעד בעטרעפענדער צייט עררייכען; א וועלט־אַנשויאונג וואָס זאָל האָבען אזא ריכטיגען פערשטעהען פון דעם מענשען און זיין נשמה, איהרע געזעצע און איהרע מאָטיווען, אז אלע קליינליכקייטען און פאָהאורטהיילע פערשווינדען אונטער דיא שטראַהלען פון דיעזער גרויסער חכמה, צושמעלצען וויא וואַקס, און בלייבען זאָל נור דיא אינסטינקטיווע ליעבע צום מענשליכען געשלעכט און צום וועלטאַל. און ער זאָגט: „איהר זייט א ווירקליכער חכם נור דאַן ווען אייער חכמה ענדערט זיך אָהן א'ן אויפהער פון אייערע קינדער־יאַהרען ביז צו אייער טויט. וואָס מעהר זיא בעדייטונג וואָס איהר גיט צו דעם וואָרט חכמה ווערט שעהנער און טיעפער, אַלץ מעהר חכם ווערט איהר, און וואָס א טריט העכער איהר קומט צו דער חכמה, אַלץ מעהר זעהט איהר".

אויף אזא חכמה, זאָגט מעטערלינק, וועט דאָס, וואָס דיא מענשען רופען געוועהנליך אַז מיט דעם נאָמען שיקזאַל, האָבען א קליינע בעדייטונג. נאַטירליך איז דאָ ניט דיא רעדע פון א הויז וואָס פאַלט איין אויף'ן קאָפּ אָדער א קראַנקהייט, אָדער עהנליכעס. א געוויסע צאָהל פון אויסערליכע ערשיינונגען וועט אימער האָבען זייער נאַטירליכען איינפלוס, דיא פראַגע איז וועגען דיא ווירקונג אויף דעם אינערליכען לעבען פון מענשען, און דאָ איז דער פּלאַץ פאַר דער גרויסער בעדייטונג פון לעבענס־חכמה. „דער טויט אליין, זאָגט מעטערלינג, וועלכען מיר האַלטען פאַר אונפערענדערליך, האָט אַנדערע געוואוינהייטען, אַנדערע מאַניערען, אַנדערע טרעהרען אין דעם הויז פון גוטען מענשען וויא אין דעם הויז פון שלעכטען. מען קען זאָגען, אז דאָס גליק אָדער אונגליק רייניגט זיך איידער עס געהט אריין אין טיהר פון דעם חכם; און אז עס בייגט איין דעם קאָפּ אריינגעהענדיג אין א קליינליכע נשמה".

אין זיינע בעטראַכטונגען איבער דיעזע אינטערעסאַנטע און וויכטיגע ערשיינונגען קומט מעטערלינק אויף דער ווייטערער פראַגע פון דער

טראַגעדיע. וואו, פרעגט זיך, בלייבט דיא טראַגעדיע ביים מענשען ווען ער איז ניט, וויא אין דער אַלט־גריכישער און שעקספּירישער דראַמאַ, אַ ווילענלאָזער אָפּפער פון דעם בלינדען שיקזאַל, וויא אין דער ערשטער, אָדער פון זיינע ניעדריגע ליידענשאַפטען, וויא אין דער צווייטער? „פיהרט אריין דעם גריכישען פילאָזאָף סאָקראַטעס אָדער יעזוס קריסטוס אין דעם הויז פון דיא גריכישע אַטרידען, און די אַלע מאָרדען פון „אָרעסט“ וואָלטען ניט בעגאַנגען געוואָרען אַזוי לאַנג וויא זיי וואָלטען געבליעבען אין הויז. עדיפּוס וואָלט זיך ניט אויסגעשטאָכען זיינע אויגען אין זייער געגענוואָרט. עס זיינען פאַראַנען אונגליקען, וועלכע דאָס שיקזאַל וואָגט ניט צו אונטערנעהמען אין דער געגענוואָרט פון אַ גייסט וועלכער האָט עס בעזיעגט מעהר וויא איין מאָל, און וואו אַ חכם קומט, הערען פיעלע דראַמען אויף“.

וואו געפינט מען דיא נויטהווענדיגקייט און דעם שיקזאַל אין „האַמלעט“, אין „קינג ליער“ און מאַקבעט“? ווען האַמלעט וואָלט ניט געווען אַזוי סענטימענטאַל און וועניגער גערעדט מיט גייסטער, ווען ליער וואָלט ניט געווען אַזאַ איינגעשפּאַרטער און קורצזיכטיגער נאַר, און מאַקבעט ניט אַזוי אַבּערגליביש, וואָלטען אַלע דיעזע טראַגעדיען ניט געקענט מעגליך זיין. אַט פון דעם שטאַנדפּונקט געהט מעטערלינק אַרויס אין זיין דראַמאַ „מאַנאַ וואַנאַ“. ער וויל שאַפען אין איהר אַ נייע דראַמאַ, אַ דראַמאַ געבויט אויף אַ ברייטער וועלט־אַנשויאונג, וועלכע הייבט זיך איבער דיא אַנגענומענע טראַדיציאָנען און בעגריפע פון רעכט און אונרעכט אין דער מאָראַל, וועלכע צוברעכט דיא אַלטע לוחות און האַקט אויס איהרע אייגענע, ניט אין שטיין, נור אין דיא הערצען פון דיא מענשען.

* * *

ביי דעם אויסזוכען פון דעם שטאָף, פון דער צייט און דעם אָרט אין „מאַנאַ וואַנאַ“ ערקענען מיר גלייך דעם קינסטלער מעטערלינק, וועלכער קומט אין פאָדערגרונד און פערדעקט דעם פילאָזאָף. דיא פאַסירונג פון דער דראַמאַ קומט פאָר אין דער איטאַליענישער שטאָדט פיזאַ ביים ענדע פון פופצעהנטען יאהרהונדערט. מיר זיינען אין דער רענעסאַנס־צייט אין איהר פולסטער אויפבליהונג פון דער פילאָזאָפיע און פרייען געדאַנק. עס איז יענע וואונדערבאַרע עפּאָכע אין דער מענשליכער געשיכטע, ווען דער גייסט פון דעם אַלטערטהום מיט זיין פילאָזאָפיע און זיין קונסט איז אויפגעוועקט געוואָרען און האָט אויף דיא מענשען פון דעם מיטעלאַלטער געהאַט אַזאַ בעצויבערנדע ווירקונג, אַז דיא קרעפטען פון דיא מענשען און זייערע פעהיגקייטען האָבען זיך פערצעהנפאַכט. דער מענש האָט אַנגעהויבען צו וואַקסען, איז אַנטלאָפען פון זיין בלינדער ניאַנקע, דיא קאַטאָלישע קירכע, און מיט ריעזען־שריטע איז ער פאָרגעשריטען אין גוטס און שלעכטס. צום ערשטען מאָל זייט דער צייט פון דער גריכישער קולטור האָט דער מענש זיך דערקענט אין זיינע טהאַטען, און דיא ריעזענגרויסע אַרבייט, וועלכע דיא געדולד פון דיא הונדערטער יאהרען פון דעם מיטעלאַלטער האָט אַנגעקליבען, האָט אַנגעהויבען צו בליהען און צו וואַקסען. מיט זיין אַרבייט און בעוואוסטזיין איז געוואַקסען דער מענש און זיין בעגריף וועגען זיך. דיא רעליגיעזע, מאָראַלישע לעהרען און זיטען האָבען פערלאָרען זייער פעסטעס און האַרטען פנים, און דיא אייזערנע קייטען זיינען צושמאָלצען געוואָרען אין דעם גליהענדען פייער פון דיא אויפגעוועקטע מענשליכע ליידענשאַפטען.

אין דיעזער צייט פיהרט אונז מעטערלינק אין דיא אַלטע רעפּובליק פיזאַ. זייט יאהרען האָט דיא רייכע שטאָדט פיזאַ געפיהרט קריעג מיט איהר מעכטיגער שכנה, דיא רעפּובליק פלאָרענץ. איין שטאָדט האָט געזוכט דעם אונטערגאַנג פון דער אַנדערער. דיא שטאָדט פיזאַ איז בעלאַגערט און אויסגעהונגערט געוואָרען פון דער אַרמעע פון פלאָרענץ, ניטאָ קיין שפּייז און קיין פולווער — עס איז נאָר אַ פראַגע פון אַ טאָג אָדער צוויי, און דיא שטאָדט וועט גענומען ווערען אין שטורם, דיא איינוואָהנער געטויטעט, בערויבט און פעריאָגט און דיא שטאָדט צערשטערט. דער גענעראַל פון דיא פיזאַנער איז גוידאָ קאָלאָנאַ, פון דער בעריהמטער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע קאָלאָנאַ, וועלכע מען געפינט דערמאָנט אויף יעדען בלאַט פון דער איטאַליענישער געשיכטע פון יענער צייט. ער איז אַ בראַווער סאָלדאַט און אַ מענש מיט אַ'ן אייזערנעם ווילען, אָבער געוועהנליכע בעגריפע. ער קען ניט אַרויס פון דיא מאָראַלישע ווינדעלאַך, אין וועלכע מען האָט איהם איינגעוויקעלט. מיט איהם איז זיין פרוי מאָדאָנאַ דזשיאָוואַנאַ, אָדער פערקירצט מאַנאַ וואַנאַ, דיא הויפּט־פּערזאָן פון דער דראַמאַ, און גידאָ'ס פאָטער, דער אַלטער מאַרקאָ. מאַרקאָ קאָלאָנאַ איז דער ערעל־

כטער טיפּ פון א הומאַניסט, פון יענע געלערנטע מענשען, וועלכע פלעגען זיך אבגעבען צו פאַרשען דעם אלטערטהום און וועלכע זיינען געווען די גייסטיגע טרעגער פון דער קולטור פון דער רענעסאַנס־צייט. אין איהם האָט מעטערלינק פערווירקליכט זיין בעגריף פון א חכם, וועלכער האָט דערגרייכט זיין ווייזהייט דורך לערנען און דענקען, און אין מאָנאַ וואַנאַ האָט ער געוואָלט פאַרשטעלען די חכמת דורך איגסטינקט און אונשולד און דורך די אללוועלטליכע ליעבע.

* * *

אין ערסטען אקט פון דער דראמא טרעפען מיר דעם פּיזא'נער גענעראל, גידא קאָלאָנאַ, ביי זיך אין פּאַלאַץ, אין א געשפּרעך מיט זיינע קאַפּיטאַנען וועגען די שלעכטע לאַגע פון דער שטאָדט. ניטאָ קיין הילפע פון דרויסען און קיין מאכט אין אינערען; נאך דריי מאָנאַט פון הונגער און ליידען, נאך דריי מאָנאַט פון איבערמענשליכע טאַפּפערקייט און אויסדויער האָלט די אלטע רעפּובליק ביי פאַלען אין די הענד פון איהר גרעסטען פיינד. ניטאָ קיין פּולווער, ניטאָ קיין קוילען, און די סאָלדאַטען ווילען זיך אונטערגעבען דעם פיינד. דער גענעראל וואַרט אויף זיין פאָטער מאַרקאָ, וועלכען ער האָט געשיקט אין פיינדליכען לאַגער דורכצורעדען זיך מיט דעם פלאָרענטינער פיהרער, פּרינטשיוואַלע. אין זייערע אויגען איז דער אונבעקאַנטער גענעראל א ווילדער מענש, א באַרבאַר, וועלכער וועט נאך גאָר אלעמען הייסען ערמאָרדען. דאָן ערשיינט מאַרקאָ, דער פאָטער; ער קומט פון דעם פיינדליכען לאַגער און ער ברענגט מיט זיך יענע אַטמאָספּערע פון גרויסקייט וועלכע דערמאָנט אונז אַן די ווערטער „וואו א חכם קומט, הערען פיעלע דראַמען אויף“. ניין, אין פיינדליכען לאַגער זיינען זיי ניט באַרבאַרען; וויא א גאַסט האָבען זיי איהם אָנגענומען. פּרינטשיוואַלע אליין האָט געלעזען מאַרקאָ'ס שריפטען און האָט זיך מיט איהם אונטערהאַלטען וועגען „די דריי געשפּרעכען פון דעם גריכישען פילאָזאָף פלאַטאָ“, וועלכע מאַרקאָ האָט ענטדעקט און איבערזעצט. מאַרקאָ איז בעגייסטערט פון דער קאָמפּאַניע, וועלכע ער האָט געטראָפען אין פיינדליכען לאַגער: „מיר האָבען גערעדט וועגען העזיאָד, אריסטאָטעל און האָמער“, און איינער פון זיי האָט ענטדעקט אין א'ן אליוו־וואָלדעל בעגראָבען אין זאַמד א טהייל פון א סטאַטוע פון א געטין, „אזוי וואונדערשעהן, אז איהר וואָלט די מלחמה פערגעסען, ווען איהר וואָלט איהר געזעהען“.

דער אלטער פילאָזאָף איז בעגייסטערט, אבער זיין זוהן דערמאָהנט איהם אַן דעם שיקזאַל פון דער שטאָדט, ער וויל וויסען די פּאָדערונגען פון דעם פיינד. און מאַרקאָ ערצעהלט געלאַסען דעם וואונש פון פיינדליכען גענעראל. מיט שרעק איז ער געגאַנגען אין געצעלט פון פּרינטשיוואַלע, מיט מורא און פחד; ער האָט ערוואַרטעט צו טרעפען דאָרט א'ן אונוויסענדען און נאַרישען באַרבאַר, בלוט־דורשטיג און שכור, א מין משוגענעם, וועלכער ווערט א העלד אויף דעם שלאַכטפעלד. ער האָט אבער געפונען א מענשען, העפליך און געבילדעט, וועלכער בייגט זיך פאַר דער ווייזהייט און איז זשעדנע נאָך וויסען; א מענשען, וועלכער איז מענשליך און פריינדליך און ליעבט ניט דעם קריעג און זוכט דעם גרונד פון די ליידענשאַפטען און ערשיינונגען. נאָר דיעזער מענש האָט א ווילדען וואונש, וויא עס האָבען איהם נור געוויסע מענשען, וועלכע ווערען געבאָרען, שיינט עס, אונטער דעם געפעהרליכען שטערן פון א'ן איינציגע גרויסע און אונערגרייכבאַרע ליעבע.

פּרינטשיוואַלע האָט איהם, מאַרקאָ'ן, דערצעהלט, אַז פלאָרענץ האָט בעשלאָסען צו פערניכטען פּיזאָ ביז אין גרונד, אָהן רחמנות. ער אליין, פּרינטשיוואַלע, ווייס, אַז די פלאָרענטינער רעגיערונג האָט א פערדאַכט אויף איהם, ער איז פאַר איהר צו שטאַרק און פּאָפּולער; ער ווייס אויך, אַז נאָך דער צערשטערונג פון פּיזאָ דורך די ווילדע סאָלדאַטען, וועט מען פאָדערן ביי איהם רעכנונג פאַר די טהאָטען פון דיעזע אויפגערייצטע סאָלדאַטען. ער וויל דערפאַר רעטען די שטאָדט פּיזאָ פון צערשטערונג און איבערגעהען צו איהר מיט זיינע טרייע סאָלדאַטען און מיט פּראָוויאַנט און פּולווער. נור ער פאָדערט איין זאַך: מען זאָל איהם אויסליפערן אויף איין נאַכט מאָנאַ וואַנאַ. ברוטאַל וויא דיעזע פאָדערונג איז, איז עס אינטערעסאַנט צו זעהען וויא א חכם ערצעהלט עס.

„איך האָב אייך שוין געזאָגט: פּרינטשיוואַלע שיינט צו זיין קלוג; ער איז מענשליך און פערנינפטיג. אבער וואו איז דער חכם וועלכער האָט ניט זיין משוגעת? און וואו איז דער גוטער מענש, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געהאַט אין זיך א שרעקליכע אידעע? רעכטס איז דער פערשטאַנד, ערבאַרמונג, גערעכטיגקייט; לינקס איז עס גאָר א'ן אנדער זאַך; דער וואונש, די

ליידענשאַפט, וואס ניט? דיא שוואכקייט אין וועלכער מיר פאַלען שטענדיג... איך בין אריינגעפאַלען, איהר וועט פיעלייכט אויך אריינפאַלען און איך וועל נאָך ווידער אריינפאַלען... דען דער מענש איז שוין אַזוי געשאַפען... אַ האַרצוויטאַג, וואָס האָט ניט בעדאַרפט זיין אַ מענשליכער האַרצוויטאַג, וועט אייך טרעפען... און איך, וועלכער זעהט אזוי קלאַר אַז דער וויטאַג וועט ניט זיין פּראָפּאָרציאָנעל צו דיא צרות, וועלכע ער שטעלט פאַר, איך האָב געמאַכט פון מיין זייט נאָך אַ משוגענעם פערשפּרעך וויא דער וויטאַג וועט זיין משוגע... און דיזער משוגענער פערשפּרעך וועט געהאַלטען ווערען גאַנץ משוגע פון דעם חכם וואָס איך וואָלט וועלען זיין און וואָס קומט צו אייך רעדען אין נאָמען פון פערנונפט. יא, איך האָב פערשפּראָכען צוריקצוקעהרען זיך אין דעם פיינדליכען לאַגער. וואָס וועט דאָרט זיין מיט מיר? עס איז מעגליך, אַז פייניגונג און טויט וועט זיין דיא בעלוינונג פון אַ נאַרישע טרייהייט. דאָך וועל איך געהן... איך האָב מיר פיעלע מאָל געזאגט, אַז דאָס איז אַ רעשטעל פון משוגעת און אַז איך טהו זיך אָן אין פּורפּור, אום צו שאַפען זיך אַ'ן איינבילדונג; איך וועל בעגיין דעם משוגעת וואס איך פערדאַם, דען איך האָב אויך ניט דעם נייטיגען כח צו פאָלגען מיין פערשטאַנד... אבער איך דערזאָג ניט... אָה, איך פערליער זיך, איך דרעה אַרום דיא פראַזען, איך זוך ווערטער, אום אָבצוציהען אַביסעל דעם ענטשיידענדען מאָמענט... אבער פיליכט האָב איך אונרעכט אַזוי צו צווייפלען אין אייך!... נון, אָט דיעזער גרויסער טראַנספּאָרט, דיעזע שפּייזען, וואָס איך האָב געזעהען: וועגען פול מיט תבואות, מיט וויין, מיט פרוכטען, סטאַדעס אָקסען און שעפּסען, מיט וועלכע מען קען ערנעהרען דיא שטאַדט מאָנאַטען לאַנג, אַלע דיעזע פעסער מיט פולווער און בליי, מיט וועלכע צו בעזיעגען פלאָרענץ און פערשטאַרקען פיזא — אָט דאָס אַלעס וועט אַריינקומען היינט אָבענד אין דער שטאַדט, אויב איהר ווילט אנשטאַט דעם שיקען איהר בלויז אויף איין נאַכט צו פּרינטציוואַלע... ער וועט איהר צוריקשיקען מאָרגען מיט דיא ערשטע שטראַהלען פון דער מאָרגענרעטהע. אַבער ער פאָדערט ניט אַנדערס, אַלס אַ צייכען פון זיעג און אונטערגעבונג, אַז זיא זאָל קומען אַליין און נאַקעט אונטער איהר מאַנטעל..."

ניראָ וויל ניט הערען און ניט וויסען פון אַזעלכע פּאַרשלעגע; אונטער דיא מויערן פון פּיזאַ וויל ער זיך בעגראָבען מיט זיין וואַנאַ און רעטען זיין עהרע. אבער זאָל זיא זאָגען, וואָס רעכט איז, זיא, דיא ריינע און עהרענהאַפטע פרוי, אויף וועלכער דאָס פאָלק קוקט וויא אויף אַ היילינגער, זאָל זיא ענטשיידען. און וואַנאַ ערשיינט מיט אַ מאַסע מענשען, וועלכע פאָלגען נאָך איהר. זיא ווייס שוין פון דער פאָדערונג, דען דער אַלטער מאַרקאָ האָט פריהער וויא צו זיין זוהן גערעדט צו איהר, און צו דעם ראַטה פון שטאַדט, וועלכער האָט בעשלאָסען דעם שיקזאַל פון דער שטאַדט צו לאָזען אין דיא הענד פון מאָנאַ וואַנאַ. איהר מאַן האַלט צו איהר אַ הייסע ליעבעס־רעדע; זיא אבער געהט צום אַלטען און זאגט: „איך וועל געהן דיזען אבענד, מיין פאַטער“, און ער ענטפערט: „איך האָב עס געוואוסט, מיין טאָכטער“...

אין זיין געצעלט פון זייד און טהייערע פעלצען, צווישען קאַסטענס פון גאָלד און זילבער, געהט אַרום דער סאָלדאַטענפיהרער, פּרינטשיוואַלע, און וואַרט אויף דעם קומען פון וואַנאַ. זיא געהט צו איהם אין לאַגער פון דער אויסגעהונגערטער שטאַדט, ניט וויסענדיג פון דעם פיינדליכען גענעראַל וויא זיין נאָמען. זיא געהט ניט מיט מאָרד־געדאַנקען, וויא איהר מאַן וויל זיך טרייסטען, נור צו רעטען דיא לעבענס פון דיא דרייסיג טויזענד נפשות פון פּיזאַ. דען זיא פיהלט אין זיך דיא וואַהרהייט פון דיא ווערטער פון דעם אַלטען הומאַניסט מאַרקאָ: „טהו וואָס איין משוגענער פערלאַנגט, און דאָס וואָס דוכט זיך דיר שרעקליך, וועט זיין העלדיש, פאַר דיא וואָס וועלען לעבען נאָך דיר און וועלכע וועלען קוקען אויף דיין טהאַט מיט אַ רוהיגער אויג און מיט אַ גערעכטערן און מענשליכערן קוק... גלויב מיר, קיין זאַך איז ניט מעהר ווערטה וויא אַ גערעטעטעס מענשענלעבען, און אַלע טוגענדען, אַלע אידעאַלען פון דיא מענשען, אַלעס דאָס וואָס זיי רופען אָן עהרע, טרייע און וואָס ניט, איז נור אַ קינדערשפּיעל אין פערגלייך צו אַ מענשענלעבען“.

און זיא געהט, ניט וויסענדיג וואָס איהר ערוואַרטעט אין דעם געצעלט פון פיינד, פיעלייכט דיא גרעסטע שאַנדע און טויט; אבער זי דענקט אָן דיא פערשמאַכטעטע מענשען אין דער שטאַדט, זיא הערט דעם געוויין פון דיא קינדער און דעם געשריי פון זייערע מוטערס, און פעסט געהט זיא זיך אויפצואָפּפערן, ווען מען וועט עס מוזען, שוועבענדיג איבער דעם שמוץ פון דער ערד, זיך ערהייבענדיג איבער דיא פּאַראָור־

מהיילע ניט נור פון דענקען, נור אויך פון פיהלען. פון דער איינפאכער פרוי דזשיאוואַניקאַלאַנאַ איז דאַן געוואָרען דיא איבערמענשליכע הייליגע פיגור פון מאַנאַ וואַנאַ.

וואָס עס ענטוויקעלט זיך ווייטער, איז נור בעלייכטונג פון דעם ערשטען אקט. זיא קומט אין צעלט פון פרינטשיוואַלע „נאקעט אין איין מאַנטעל געוויקעלט“. ווען פרינטשיוואַלע איז געווען אַלט צוועלף יאהר, האָט ער זיך געשפּילט אין גאַרטען פון וואַנאַ'ס עלטערן. זייט יענער צייט האָט ער איהר געליעבט, שטענדיג זיא געזוכט און ניט געוואָגט צו איהר נאָהענט צו קומען. יעצט, אין זיין פערצווייפלונג, האָט ער איהר געפאָדערט. און ווען ער דערזעהט איהר בעלייכטעט מיט זייער שכינה פון איהר גרויסער נשמה, בעגריפט ער איהר גייסטיגע שעהנהייט, און דיא ווירקליכקייט אין מענשען בייגט זיך פאר דער גרויסער נשמה פון דער נאקעטער פרוי. אין דער געגענוואַרט פון מאנא וואַנא פערלירען זיך זיינע טהיערישע לײדענשאַפטען און ער גיט איהר נור איין קוס אויף דעם שטערן. ער ערצעהלט איהר זיין לעבען און שטרעבען, וועהרענד דיא טראַנספּאָרטען מיט פּראָוויאַנט ווערען געפיהרט נאָך פּיזא.

פּיזא איז גערעטעט, יובעל־פייערס לייכטען אויף איהרע טורעמס און מעלדען דעם פיינד רוויסען דיא פריידע פון דער בעלאַגערטער שטאָדט. אין לאַגער אָבער האָט מען זיך געכאַפּט און מאַנא וואַנא מיט פרינטשיוואַלע מוזען פליהען נאָך פּיזא. זיא נעהמט איהם מיט, זיכער אין איהר ריינקייט.

אין דריטען אקט קומט וואַנא מיט פרינטשיוואַלע, וועלכען קיינער קען ניט, בעגלייטעט פון דעם פריידיגען פאָלק. „עס שיינט, אז זיא בעשטראַהלט דיא מאַסע ארום איהר“, זאָגט איינער. אין זיין פאַלאַסט ערוואַרטעט איהר גידאָ. ער גלויבט אין זיין עגאָאיזמוס, אז וואַנאַ האָט וואַהרשיינליך ערמאָרדעט פרינטשיוואַלע און גערעטעט איהר עהרע. ווען זיא ערקלערט פאַר דעם גאַנצען פאָלק, אז פרינטשיוואַלי האָט איהר און דיא שטאָדט גערעטעט, האָט איהר בעהאַנדעלט וויא אַ ברודער, און אַט איז ער, זייער וואַהרער רעטער, גלויבט איהר גידאָ ניט. ער, דער מוטהיגער סאָלדאַט, וועלכער איז געוועהנט צו האַקען מיט דעם שווערד, קען קיין אַנדער מוטה ניט פערשטעהן, ער קען דאָס וואָס זיין פרוי זאָגט איהם ניט גלויבען. ער פאָדערט אויף זיין פרוי צו זאָגען דיא וואַהרהייט, וויא ער גלויבט, זיך ניט צו שעמען און צו ערקלערען, אז פרינטשיוואַלע האָט איהר פערגוואַלטיגט. זי האָט איהם דאָרום אריינגענאַרט אין פּיזא איהם איבערצוגעבען צו איהר נקמה. זיא ערקלערט אז עס איז ניט וואָהר, אז פרינטשיוואַלע איז אונשולדיג, דאַן הייסט גידאָ טייטען פרינטשיוואַלע, און פּלוצלינג ערקענט וואַנא איהר ליעבע צו איהם, זיא רייסט איהם ארויס און ערקלערט זיך פיר שולדיג: זיא אַליין וויל אָבער מאַטערן און פייניגען פרינטשיוואַלען, זיא אַליין וויל דערפאַר האָבען דיא שליסלען פון זיין געפענגניס. קיינער פערשטעהט זיא ניט, נור דער אַלטער מאַרקאָ זאָגט צו איהר שטילערהייט: „יא, וואַנא, איך האָב פערשטאַנען... איך האָב פערשטאַנען דיין ליגען... עס איז גערעכט און זעהר איינגערעכט, ווי אַלעס וואָס מען טהוט.. דאָס לעבען האָט רעכט...“

דאָס איז דיא ענדע פון דער דראַמאַ. וואָס ווייטער עס וועט ווערען פון וואַנאַ און איהר געפאַנגענעם זאָגט אונז מעטערלינק ניט, און עס איז אויך ניט נייטיג, מיר ווייסען אז דאָס „לעבען האָט רעכט.“

מיר איז אין דער מאָדערנער דראַמאַטישער ליטעראַטור ניט בעקאַנט קיין שטיק, וואו דער בעגריף לעבען זאָל זיין אויפגעפאַסט אין אזא ברייטען און טיעפען זינן וויא אין מעטערלינקס „מאַנאַ וואַנאַ“. אין דיעזער דראַמאַ פון ווייזהייט האָט ער ווירקליך בעשאַפען אומשטענדע, וועלכע וואַלטען ביי אַנדערע וועלט־אַנשויאונגען זיך געמוזט ענדיגען מיט וועניגסטענס איינעם אָדער צוויי מאָרדען אָדער וואַהנזיניגע. דאַ אָבער קלינגט אַלעס אין דעם טיעפען גרונדטאָן פון דער אַלעס בעגרייפענדער און אַלעס פערצייהענדער חכמה. וויל דיא שטראַהלען פון דער ווייזהייט בעלויכטען דיא שמערצען פון דיא מענשען, זיי, היילענדיג און טרייסטענדיג, פערשמעלצען זיך דיא דיסאָנאַנצען פון דיא מענשליכע ליידענשאַפטען און איין האַרמאָני, וועלכע איז דיא האַרמאָני פון לעבען. גרעסער פון דעם ברוטאַלען העלדענמוטה פון סאָלדאַט איז דיא איינפאַכע, נאַטירליכע מענשענליעבע פון דער פרוי, און גרעסער פון זיי ביידע איז דיא קלאָרע וועלטאַנשויאונג פון דער ווייזהייט, וועלכע זעהט און פערשטעהט דעם גאַנג פון דער וועלט און וועלכע וויים, אז דאָס לעבען האָט רעכט...

דער טריאומף פון גייסט איבער דיא ברוטאַלע קראַפט ביי'ם מענשען, דאָס איז דער טריאומף פון „מאַנאַ וואַנאַ“. מ. לעאָנטיעף.

# מארק האננא'ס סאציאל־פאליטיק.

אין דעם מאנאטליכען זשורנאל ,,נאשיאנאל מאגאזין" פון לעצטען פעברואר איז ערשינען א'ן ארטיקעל אונטער דעם נאמען ,,סאציאליזמוס און טרייד־יוניאנס", וועלכער האט גלייך צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון פובליקום, ווייל ער איז געשריבען געווארען פון קיין אנדערען, וויא מארק האננא, וועלכער איז געווען דער אונגעקרוינטער קעניג פון יונייטעד סטייטס, ווען מעק־קינלי איז אפיציעל געווען פרעזידענט, און וועלכער איז נאך יעצט אויף דער הויפט־באס פון דער הערשענדער רעפובליקאנער פארטיי. צוליעב דעם בין איך נייגיעריג געווען דורכצולעזען דיזען ארטיקעל און צוליעב דעם, רעכען איך, וועט דעם לעזער פון דער ,,צוקונפט" אויך אינטערעסאנט זיין צו וויסען זיין אינהאלט.

שוין דער פאקט אליין, אז אזא דורכגעטריבענער פאליטישען און פערביסענער קאפיטאליסטישער פיהרער, וויא מארק האננא איז, האט געפונען פאר נויטהיג צו שרייבען אן ארטיקעל איבער דער גרעסטער סאציאלער פראגע גראדע אין דעם יאהר פון דיא פרעזידענט־וואהלען,— איז פיעל־בעדייטענד. מען קען זאגען, אז דאס איז א צייכען פון צייט. עס איז יעדענפאלס קלאר, אז דער סאציאליזמוס איז שוין צוגעקומען צום פארדער־גרונד פון אמעריקאנער פאליטיקס און אז דיא פיהרערס פון דיא קאפיטאליסטישע פארטייען הויבען אן ערנסט צו רעכענען זיך מיט דער סאציאליסטישער פארטיי.. עס איז אויך ניט א צופאל, וואס מארק האננא האט גראדע געלאזען פערעפענטליכען זיין ארטיקעל אין א זשורנאל, וועלכער ערשיינט אין באסטאן, דיא הויפט־שטאדט פון דעם העכסט־ענטוויקעלטען אינדוסטריעלען שטאאט, וואו דער סאציאליסטישער וואוט איז בעזאנדערס גרויס און וויכטיג.

נאר לאמיר בעטראכטען וואס דיזער טראסט־מאגנאט און אבער־קאמאנדיר פון דער רעפובליקאנער פארטיי זאגט אין זיין ארטיקעל.

,,עס איז ניטא א וויכטיגערע פראגע, ערקלערט ער, וויא דיא פראגע וועגען דיא בעציהונגען צווישען ארבייט און קאפיטאל. אין אנפאנג פון א נייעם יאהר־הונדערט, ווען מיר ווארפען א בליק אין אונזער געשיכטע, ווערען מיר כמעט צוטומעלט דורך דעם גרויסען וואונדערבארען פארטשריט פון אונזער לאנד; אבער וויא מיר זאלען ניט צוריקהאלטען דיא ענדערונגען, וועלכע רייסען זיך דורך, מוזען מיר פריער אדער שפעטער זיך א נעהם טהאן צו דער פראגע — דיא ערנסטע אויפגאבע — וועגען אויסגלייכען דיזע אנגעלעגענהייטען אנשטאט צו פרובירען געהן צוריק צו אומשטענדען, וועלכע זיינען שוין פאראיבער".

דערמיט צייגט מארק האננא, אז ער פערשטעהט וואו, פראסט גערעדט, דער הונד ליעגט בעגראבען. אבער צו דיזען פערשטאנד איז ער געקומען ניט דורך שטודירען דיא סאציאלע פראגע, ניט דורך לעזען ביכער איבער סאציאליזמוס, זאנדערן איינפאך דורך דיא ערפאהרונג וועלכע ער האט געהאט ביי פערשידענע סטרייקס, ווען עס איז איהם אויך אויסגעקומען צו בעשיצען זיינע פריוואט־קאפיטאליסטישע אינטערעסען און צו האנדלען אלס פערמיטלער אין דיא אינטערעסען פון זיין קלאס. ער גיט עס אליין צו אין זיין ארטיקעל, נור דאס ווארפט זיך אין דיא אויגען כמעט ביי זיין יעדער פראזע. אין עטליכע ערטער רעדט ער מיט דער זיכערהייט פון א'ן ערפאלגרייכען געשעפטס־מאן, וועלכער בילדעט זיך איין, דאס ווייל איהם איז געלונגען צו מאכען געלד דורך פאבריצירען, לאמיר זאגען, שטיוועל, דארום קען ער שוין פערוואלטען א שטאדט, ווערן א מיניסטער און זאגאר ענטשיידען דיא שווערסטע סאציאל־פאליטישע פראגען. ניט נאר פון סאציאליזמוס, זאנדערן אפילו וועגען טרייד־יוניאניזמוס דריקט ער זיך אויס אזוי, אז מען קען נאר דערפון שליסען, דאס ער האט קיין מאל ניט איבערגעלעזען א'ן ערנסטען בוך איבער דיזע פראגען.

בעזאנדערס ווען ער רעדט וועגען אמעריקא און דעם זאגענאנטען ,,אמעריקאניזמוס", בעווייזט ער, אז ער שטעהט ניט אפילו מיט א האר העכער איבער דעם קלענסטען אמעריקאנישען

פאליטישען, וועלכער שרייט וויא א פאפוגאי, וועגען די „הערליכע קאנסטיטוציאן“, „די פרייע אינסטיטוציאנען“ א. ז. וו. אזוי וויא אין קיין אנדער לאנד וואלט עס גאר אויף א רפואה ניט געווען. דיא אמעריקאנער זיינען אזוי אנגעבלאזען מיט זייערע אייגענע שבחים, וועלכע ווערען וויעדערהאלט אהן שום קריטיקען, און זיינען אזוי אונוויסענד וועגען אפילו דיא פארטגעשריטענסטע לענדער אין אייראפא, דאס עס איז זעלטען צו געפינען איינעם צווישען זיי, וואס האלט זיך ניט פאר אן אתה־בחרתנו'ניק און וואס איז ניט איינגעבילדעט, אז אין אמעריקא קען מען אויפטהאן זאכען, וואס זיינען גאר אונמעגליך אין דער אלטער וועלט, אז מען קען אפילו געהן מיט'ן קאפ אראפ, ווען מען זאל עס נאר וועלען מיט עכט־אמעריקאנער ענערגיע. מאלע וואס מען זוכט און מען טהוט אין אייראפא — מיר, אמעריקאנער, פייפען דערויף און קענען אויפטהאן גראדע פערקעהרט. ספעציעל דענקען אזוי דיא אמעריקאנער וועגען דיא סאציאלע פראגע. וויא לאנג צוריק האבען זיי אין גאנצען געלייקענט, אז אין אמעריקא קען פארקומען אזא קאמפף צווישען קאפיטאל און ארבייט וויא אין אייראפא, אז אין אמעריקא הערשט דיא בורזשואזיע גראדע וויא אין אייראפא? און היינט צו טאג, וויא פיעל אמעריקאנער וועט איהר געפינען, וואס וועלען אייך צוגעבען, אז דיא סאציאלע פראגע ווארצעלט זיך אין אמעריקא גראדע ווי אין אלע לענדער, ווי אין ענגלאנד און רוסלאנד, דורך דיא זעלבע אורזאכען; וואס וועלען אנערקענען, אז דער סאציאליזמוס האט אין דיא פעראייניגטע שטאאטען אזא באדען וויא אין אייראפא, ווייל דיא געזעצע פון דער קאפיטאליסטישער ענטוויקלונג זיינען איבעראל גלייך און פיהרען צו דיא זעלבע רעזולטאטען?

מארק האננא איז קיין אויסנאהמע, אבוואהל ער פיהלט ניט ווילענדיג, אז דיא סאציאלע פראגע האט שוין אין אמעריקא אנגענומען דיא זעלבע „רויטע“ געשטאלט וויא אין דער אלטער וועלט. ער בילדעט זיך נאך איין אדער וויל איינבילדען אנדערע — עס איז גיכער אנצונעהמען אז אין דיעזען פונקט זאגט ער גראדע אויפריכטיג וואס ער דענקט — אז אין אמעריקא קען מען נאך אריבערווארפען א בריק איבער דעם אבגרונד וואס טהיילט אפ אלין ווייטער און טיעפער קאפיטאל און ארבייט. ער מיינט אדער וויל מאכען מיינען אנדערע — אין דיזען פונקט איז גיכער אנצונעהמען דאס ער בלאפט איינפאך—אז דיזער וואונדערבארער בריק וועט אויפגעבויט ווערען פון דער „סיוויק פעדערישאן, וועלכע האט שוין אזוי פיעל גוטעס אויפגעטהאן אין דיא פינף יאהר פון איהר עקזיסטענץ“. אין וואס בעשטעהט דאס „גוטעס“ פון דייער קאפיטאליסטישער ארגאניזאציאן, וועלכע זוכט נאר צו פערבלענדען דיא אויגען פון דיא ארבייטער מיט היפאקריטישע פריינדשאפט, מיט האניג אויף'ן צונג און גאל אין הארצען — דאס ערקלערט אונז ניט מארק האננא. ער מאכט בעהויפטונגען מיט א טאן פון א'ן אראקעל, אזוי וויא מען מוז איהם גלויבען אויף'ן ווארט. וויא ווייט זיי שטימען מיט דער וואהרהייט, קען מען שליעסען פון פאלגענדעס:

„דיא אומשטענדען, זאגט ער אין איין ארט האבען זיך געענדערט, און פאר יעדען ארבייטער איז דא דורכשניטליך צוויי דזשאבס יעצט אין דער גאלדענער צייט פון אונזער פראספעריטי (הצלחה)“... וויא געפעלט אייך אזא הצלחה? —האט איהר דען ניט געפונען וועניגסטענס צוויי פלעצער אויף איין קלאפ, ווען איהר זייט געגאנגען זוכען ארבייט?

„דיא ארבייטער יוניאנס האבען געקענט זיין א קללה פאר ענגלאנד, בעהויפטעט ער ווייטער, אבער איך גלויב, אז אין אונזער לאנד וועלען זיי ברייגען גליק, ווען א ריכטיגער גרונד פון צוטרויען און רעספעקט וועט עטאבלירט ווערען“. אויב מען קען געפינען אזא גרונד וויא מארק האננא מיינט עס, ווארום האט מען איהם ניט געפונען אין ענגלאנד? זיינען דיא ענגלענדער אזעלכע נאררען און בלינדע, אז זיי קענען שוין גאר קיין מיטעל ניט אויסגעפינען געגען דיא קללה דורך דיא טרייד־יוניאנס? און ווארום האבען עפעס דיא טרייד־יוניאנס געקענט זיין א קללה פאר ענגלאנד? וואו זיינען דיא פאקטען דערצו? זיינען דיא יוניאנס ווירקליך א שטערונג פיר דיא ענגלישע אינדוסטריע? מארק האננא און אנדערע קאפיטאליסטען וויעדערהאלען נאר דיא קלאגען פון זייערע ענגלישע חברים, וועלכע ווילען אויפהעצען דיא ארימע מאסען פון ענגלאנד געגען דיא טרייד־יוניאנס. דיא לעצטע סטאטיסטישע רעכנונגען צייגען קלאר, אז דיא ענגלישע אינדוסטריע און האנדעל שטייגען נאך.

אין אלגעמיין איז זיין ארטיקעל פול מיט ווידערשפריכע. אין איין ארט בעמערקט ער גאנץ ריכטיג, אז „עס איז ניטא קיין אנדער גרופע

(ער מיידט אויס צו געברויכען דעם וואָרט: קלאַס) אויסער ארבייט אָדער קאַפּיטאַל; יעדער מענש געהערט צו איינער אָדער צו דער אַנדערער גרופּע". אבער אנשטאַט צו קומען צו דעם לאָגישען שלוס פון דיעזען פאַקט, נעמליך: צום קלאַסען־קאַמפף, זאגט ער גאָר: „מיין פּלאַן איז צו אַמעריקאַניזירען (? !) דיא אָרגאַניזירטע יוניאָן־אַרבייט אין דעם בעסטען זינען און גוט ערצויגען צו א פערשטענדניס פון איהר פעראַנטוואָרטליכקייט, און אויף דיזען וועג איהר צו מאַכען פאַר אַ חבר פון קאַפּיטאַליסט אנשטאַט אַ פיינד, מיט וועלכען מען האָט צו קעמפּפען... אויב יעדער מאַן, זאָגט ער ווייטער, וועט בעהאַנדעלט ווערען וויא א מאַן, אויב אַ צורוף צו זיין הארץ אַזוי וויא צו זיין פערשטאַנד וועט געמאַכט ווערען, וועט עס ברענגען צו אַזאַ צוטרויען, אַז עס וועט דיענען אַלס פונדאַמענט צו בויען ווייטער. אָט צו דיזען צושטאַנד שטרעבט עס דיא סיוויק פעדעריישען — אבזאָלוטעס פערטרויען פון ביידע זייטען".

קורץ, שלום צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט.

— דאָס איז דיא סאָציאַל־פּאָליטיק פון מאַרק האַננאַ מיט זיין סיוויק פעדערישען. האָפענדיג, אַז איהם וועט געלינגען אויסצופיהרען דיעזע אונמעגליכקייט אָדער, ריכטיגער, אַז ער וועט קענען אַראָבפיהרען דיא אָרגאַניזירטע אַרבייטער פון זייער ריכטיגען וועג, דעם וועג פון קלאַסען־קאַמפף, ערקלערט ער זיך פאַר אַ פריינד פון אַרבייטער־יוניאָנס. אבער נאָר מיט דער בעדינגונג, אַז זיי זאָלען זיך לאָזען ערציעהען פון אַזעלכע „אַרבייטער־פריינד", וויא דיא מיטגליעדער פון דער סיוויק פעדעריישען, און זאָלען ווערן קאָנסערוואַטיוו אויף א'ן עכטען „ביזנעס־וועג" (מאַרק האַננאַ שעהמט זיך גאָר ניט אָפען צו זאָגען אין זיין אַרטיקעל, אַז „דער גייסט פון אונזער צייט איז ביזנעס") — וועט ער, זיין דאָלאַר־מאַיעסטעט, זיי שטיצען און גלעטען איבער'ן בעקעלע.

יעדענפאַלס האָט ער גאָר קיין מורא ניט פאַר דיא טרייד־יוניאָנס, וויא זיי זיינען יעצט אָרגאַניזירט, און ער זוכט אויך צו בערוהיגען אַנדערע „קאַפּיטאַנען פון אינדוסטריע", אַז זיי זאָלען זיך ניט שרעקען. ער טרייסט זיי דערמיט אַז דיא „אַמעריקאַנער יוניאָנס ווערען אַלץ קאָנסערוואַטיווער און וועלען ניט דערלאָזען, אַז היטציקע זאָלען זיי אַראָבפיהרען פון גלייכען וועג". ער גיט זיי נאָך דעם ראַטה צו זיכען דיא מיטווירקונג פון דיא אַרבייטער. „עס איז ניטאָ קיין בעסערע אינוועסטמענט פאַר אַ פאַבריקאַנט אָדער א'ן אידוסטריעלע קאָמפּאַניע, זאָגט ער, וויא א הערצליכע מיטווירקונג און גוטע געפיהלען פון דיא אנגעשטעלטע. ווען מיר זאָלען נאָר זיך האַלטען אַן דיזע השערה, גלויב איך אַז עס איז גאַנץ מעגליך, דאָס אַלע אונטערשיעדע קענען אין דער צוקונפט בעזייטיגט ווערען דורך אַ האַנדלונג נאָך דעם אַלטען ווערטעל: „אַ'ן אוניץ פערהיטונג איז ווערטה א פונט רפואה". זיין שליכליכער פאָרשלאַג איז צו האַלטען קאָנפערענצען מיט אַרבייטער־פערטרעטער אין פאַל פון סטרייקס אָדער איידער געסטראַשעטע סטרייקס ברעכען אויס. דאָס איז דער לעצטער וואָרט פון זיין סאָציאַל־פּאָליטיק.

דיא אמת'ע געפאַהר פאַר דיא קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט זעהט ער אין סאָציאַליזמוס. „וויא איך בעטראַכט עס, שרייבט ער גאַנץ אָפען, בעשטעהט יעצט דיא געפאַהר אין דער פערשפּרייטונג פון דעם גייסט פון סאָציאַליזמוס". אין דיזען פונקט זיינען מיר פאָלשטענדיג איינפערשטאַנדען מיט איהם. אבער ער האָט אַ גרויסען טעות, ווען ער מיינט, אַז ער וועט קענען האַלטען אין צוים, דורך דיא סיוויק פעדערישען און קאָנפערענצען, דיא טרייד־יוניאָנס אפילו וויא זיי זיינען יעצט אָרגאַניזירט, דען דיא אונפערמיידליכע געזעצע פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט צווינגען זיי צום קלאַסענקאַמפף. שלום צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט, האַרמאָניע צווישען קאַפּיטאַליסטען און פּראָלעטאַריער איז אַזוי מעגליך וויא האַרמאָניע צווישען פייער און וואַסער, צווישען וועלף און שעפּסען. וויא פיעל קאַפּיטאַליסטישע שרייבערס, רעדנערס און פּאָליטיקער זאָלען ניט פערדולען דיא אַרבייטער אַ קאָפּ מיט זייערע גיפטיגע שלום־רייד, וועט עס לאַנג ניט אָבהאַלטען דעם אינערליכען קלאַסען־קאַמפף, וועלכער איז אַזוי איינגעבאָרען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וויא דער אינסטינקט פון זעלבסטבעשיטצונג ביי יעדער איינצעלנער פערזאָן. יעדער סטרייק איז אַ קלאָרער בעוויז פון דיעזען איינגעבאָרענען קלאַסענקאַמפף און א'ן אָפּלייקענונג פון אַלע טענות פון דיא קאַפּיטאַליסטישע היפּאָקריטען מכח שלום צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט.

אבער דיא מאַרק האַננאַס ווילען עס ניט

וויסען. זיי דענקען, אז זיי וועלען האלטען דיא יוניאנס אין זייערע קעשענעס, ווען נאר עס זאל זיי געלינגען אפצוהאלטען דיא פערשפרייטונג פון סאציאליזמוס. דעם סאציאליזמוס האלטען זיי פאר א געפאהר, ניט ווייל ער פאדערט עקאנאמישע גלייכהייט — דיא קאפיטאליסטען רעדען זיך איין, אז דאס איז איבערהויפט א'ן אונמעגליכע זאך — און פרעדיגט סאלידאריטעט, אמת'ע מענשענליעבע, זאנדערן ווייל ער בעפעסטיגט זיך אויף דעם גרונד פון קלאסענקאמפף און צייגט קלאר און דייטליך, אז הארמאניע צווישען קאפיטאל און ארבייט איז אונמעגליך. ווען ניט דער סאציאליזמוס וואלטען זיי זיך אין אלגעמיין גאנץ ווייניג געקימערט וועגען דיא טרייד־יוניאן בעוועגונג, ווייל זיי דענקען, אז זיי זיינען גענוג שטארק צו אונטערדריקען יעדען סטרייק.

וואס סאציאליזמוס לערנט, ווייס מארק האננא אזוי ווייניג ווי יעדער אמעריקאנער פאליטישען. ער פ י ה ל ט נאר, אז עס איז עפעס א פיינדליכע און געפעהרליכע זאך פאר זיין קלאס, וועמעס הערשאפט ער זוכט נאטירליך וואס לענגער און שטארקער אנצוהאלטען. ווען מען לעזט זיינע טענות געגען סאציאליזמוס, קען מען פון ערשטען בליק מיינען, אז ער וויל נאר אבנארען און פערפיהרען דעם דורכשניטליכען אמעריקאנער, וועלכער גלויבט נאך באמונה שלמה אין דיא אויסגעוועפטע רפואות פון אמעריקאנער פרייהייטען; אבער ווען מען בעטראכט נעהענטער וואס ער זאגט, בלייבט נאר צוצוגעבען, אז ער אליין פערשטעהט ניט מעהר און ווייס ניט מעהר פון סאציאליזמוס, וויא דער דורכשניטליכער אמעריקאנער.

אט זיינען מארק האננא'ס „באמבעס“ געגען סאציאליזמוס:

„סאציאליזמוס ווערט מעהר אדער ווייניגער געברויכט אויפצופלאמען דעם פאלק געגען יעדע אינדיווידועלע איניציאטיווע און פערזענליכע ענערגיע, וועלכע זיינען געוועזען דיא ריכטיגע עסענציע פון אמעריקאנער פראגרעס. וועהרענד דער גייסט פון סאציאליזמוס האט פעראורזאכט פורכט אין איניגע קרייזען, איז ער מיט פריידע אויפגענומען געווארען ביי א געוויסען קלאס פון פאלק, וואס ווינשט ניט צו טהאן עפעס וויא געהעריג אויף א געוועהנליכען און עהרליכען וועג און כאפט זיך מיט פערגניגען אן אירגענד וועלכע אויסריידע צו רודערן דיא עפענטליכע מיינונג, זוכענדיג א טשאנס אריינצוקריגען געלד אין זייערע פאקעטס — אלץ אזעלכע מענשען וואס האבען „קיין סטאוקע ניט אין לאנד“, וויא מען זאגט. (מארק האנא האט א סך „סטאוקעס“, אבער געשטעלט מיט פרעמדע הענד...) מיין אייגענער איינדרוק ווערט בעשטעטיגט דורך בעריכטען פון ארבייטער, אז סאציאליזמוס, אין דעם אייראפעאישען זינן פון דיזען ווארט, וועט קיין מאל ניט געפינען א פעסטען באדען אין אמעריקא... ווען דאס פאלק וועט פערשטעהן דיזע זאך אין איהר פולען זינען, ווען מאנכע פון דיא סודות (?!) און דיא בעצויבערונג וואס איז פערבונדען מיט דאס געהיימניספאלע, וואס רינגעלט יעצט ארום דיזע זאך, וועלען צושטערט ווערען און מען וועט אללעס זעהן אפען, וועט מען אויסגעפינען, אז עס וועט זיין ווידערווערטיג צו אמעריקאנער אידעען פון תמימות און עהרליכקייט... יושר און גערעכטיגקייט וועלען קיינמאל ניט מרוצה ווערען צו קאנפיסצירען דיא פראדוקטען פון איין מאן'ס ארבייט, אום צו פערזיכערען קאמפארט דעם פוילער און טויגעניכטס. דאס אמעריקאנער פאלק וויל ניט האבען קיין „איזמוס“ וואס זאל אוועקנעהמען ביי אירגענד וועלכען בירגער דיא ריכטיגע און גערעכטע בעלוינונג פון זיין ארבייט“...

וויא געפעלען אייך אזעלכע ארגומענטען פון א מאן, וועלכער ווערט גערעכענט אין אמעריקא פאר איינעם פון דיא געשייטעסטע פאליטיקער, זאגאר פאר א גרויסען שטאאטס־מאן? וויא מיינט איהר, האט ער דען ניט פערניכטעט דעם סאציאליזמוס? אין דעם אייראפעאישען זינן פון דיזען ווארט, זאגט ער, וועט סאציאליזמוס ניעמאלס געפינען א פעסטען באדען אין אמעריקא. אבער וואס איז און וואו איז דער אמעריקאנער זינן פון דיזען ווארט? גיבט עס דען איין סאציאליזמוס אין אייראפא און אן אנדערער אין אמעריקא? אויב אזוי, ווארום? מארק האנא וויל זיך גאר ניט ברעכען דעם קאפ מיט אזעלכע פראגען—איז עס דען ניט גענוג, אז ער, דער באס פון דער רעפובליקאנער פארטיי, בעהויפטעט עס? ווען אין אמעריקא וואלט געוועזען אן אנדער קאפיטאליזמוס וויא אין אייראפא, דאן וואלט זיך געשיקט צו מאכען אן אונטערשיעד צווישען דעם סאציאליזמוס אין דיזע ביידע וועלטען. אין קולטורעלער הינזיכט זיינען זיי איבערהויפט ניט אבגעטהיילט פון אטלאנטישען אקעאן, בפרט נאך אין דער עקאנאמישער ענטוויקלונג; פאליטיש אונטערשיידעט זיך אמעריקא פון, צום ביישפיעל, ענגלאנד נאר אין דער רע־

גיערונגס־פארמע אדער אייגענטליך אין נאמען. אפילו ניט־סאציאליסטען האבען ערקלערט, אז דער אמעריקאנער פרעזידענט האט מעהר מאכט וויא דער ענגלישער קעניג. נאר לאמיר נעהמען אזעלכע איירָאפּעאישע רעפּובּליקען וויא דיא שווייץ און פראנקרייך—ווארום זאל דער סאציאליזמוס דארטען געפינען א באדען און אין דער אמעריקאנער רעפּובליק ניט?

עס איז אייגענטליך לעכערליך צו שטעלען אזעלכע פראגען, נאר וואס זאל מען טהאן, אז דיא מייסטע אמעריקאנער בירגער דענקען גראדע וויא מארק האננא און אז מען מוז דארום אויך ענטפערען אויף אזא אפענבארען אונזין?

ווייטער לערנט אונז דער גרויסער אמעריקאנער פילאזאף מארק האננא, אז דיא שטרעבונגען פון סאציאליזמוס זיינען „וויעדערווערטיג די אמעריקאנער אידעען פון תמימות און עהרליכקייט"! ווייסט איהר אפשר, וואו זיינען דיעזע ספּעציעלע אמעריקאנער אידעען? זא ווייט מיר ווייסען, זיינען דיא אמעריקאנער ניט אראבגעפאלען פון הימעל און זיינען גראדע אזעלכע זינדיגע מענשען וויא דיא אייראפּעער, פון וועלכע זיי שטאמען מיט האק און פאק. יעדענפאלס ערקלערט אונז מארק האנא גאר ניט, אין וואס בעשטעהן דיעזע געהיימניספאלע אמעריקאנער אידעען, אבוואהל ער וויים זאגאר פון „סודות פון סאציאליזמוס".

אבער דאס זיינען נאך ניט אלע וואונדערבארע מעלות פון אמעריקאנער פאלק: זיי האבען נאך, זעהט איהר, דיא מערקווירדיגע מעלה „ניט צו דערלאזען קיין „איזמוס" וואס זאל אוועקנעהמען ביי אירגענד וועלכען בירגער דיא ריכטיגע און גערעכטע בעלוינונג פון זיין ארבייט!" הוראה פיר דיא אמעריקאנער! עס לעבע דער אמעריקאניזמוס! אבער מיר וואלטען וועלען זעהען אזא פאלק, וואס זאל עס ערלויבען; מיר וואלטען גערן געוועזן צו הערען פון אזא ציוויליזירטעם פאלק און אפילו ניט ציוויליזירטעם פאלק, וואס זאל לאזען אוועקרויבען ביי זייגע מיטגליעדער דיא עהרליכע און כשר־פערדיענטע פריכטע פון זייער ארבייט. ווייטער וואלטען מיר וועלען הערען פון אזא סאציאליזמוס וואס פערלאנגט אזא זאך.

אבזיכטליך אדער איינפאך אויס גראבע אונוויסענהייט ווידערהאלט דא מארק האננא דעם אלטען אונזין, אז דער סאציאליזמוס וויל פערניכטען פערזענליכע איניציאטיווע און פרייהייט און זוכט נור צו „צוטהיילען" צווישען דיא ארימע דעם פערמעגען פון דיא רייכע. איין קאפּיטאליסט שרייט נאך דעם אנדערען, אז דיא סאציאליסטען ווילען נאר א „חלוקה", גאר ניט קימערנדיג זיך וועגען דעם וואס די סאציאליסטען האבען שוין לאנג געענטפערט דארויף. מארק האננא האט הפנים אויך געהערט דיא טענות פון קאפּיטאליכטישע פערטהיידיגער, דאס אין א סאציאליסטישע געזעלשאפט וועט פערזענליכע פרייהייט אבגעשאפט ווערען און עס וועט הערשען שקלאווערייי.

יעדענפאלס זיינען דאס זיינע לעצטע און שטארקע באמבעס געגען סאציאליזמוס.

אלזא, מארק האננא, וועלכער האט געמאכט מיליאנען פון פרעמדע ארבייט, טרעט ארויס אלס פערטהיידיגער פון „ריכטיגע און גערעכטע בעלוינונג פון ארבייט" — איז עס ניט קאמיש? וואס וועט ווערען פון דיא טראסט־מאגנאטען און איבערהויפּט פון אלע קאפּיטאליסטען, ווען מען זאל דאס טאקי דורכפיהרען אין דער ווירקליכקייט? „ריכטיגע און גערעכטע בעלוינונג פון ארבייט" — אט דאס פערלאנגט דאך נאר דער סאציאליזמוס און צוליעב דעם קעמפּפט ער דאך געגען דיא קאפּיטאליסטישע סיסטעם און וועט אזוי לאנג קעמפּפען ביז ער וועט איהר אונטערגראבען און וועט אויפבויען א נייע, אין וועלכער קיינער וועט ניט קענען רייך ווערען פון פרעמדע ארבייט.

פאליטיקוס.

---

אין דער צייט, ווען דיזער ארטיקעל איז שוין געוועזן אויסגעזעצט, האט דער טעלעגראף געבראכט דיא נאכריכט פון וואשינגטאן, אז מארק האננא איז געשטארבען פון טיפוס־פיעבער. דיא סאציאל־פאליטיק וועלכע ער האט געזוכט דורכצופיהרען, וועט אבער דורך זיין טוידט ניט גענדערט ווערען, ווייל דיא סיוויק־פעדעריישען איז פערבליעבען און וועט זיך האלטען איהר פראגראם.—רעד.

# דער פערקויף פון אַן אפעטיט.

פון פאול לאפארג; איבערזעצט פון א. ד אָ ב י ן.

מיט איינינע יאהר צוריק האָט מיר אַ בעאַמטער פון שאַרענטאָן איבערגעגעבען אַ מאַנוסקריפּט וואָס איינער פון דיא איינגעשפּאַרטע, וועלכע איז דאָרט געשטאָרבען אין אַ צוואַנג־יאַק, האָט איהם אַנפּערטרויט.

וויא דיעזער בעאַמטער האָט בעהויפּטעט, איז דער פּערפּאַסער, עמיל דעטוש, גאָר ניט משוגע געוועזן; מען האָט איהם אָהנע צווייפעל איינגעשפּאַרט אויף דעם בעפעהל פון אַ הויכען בעאַמטען, דען אין דער צייט פון זיין געפאַנגענשאַפט האָט מען איהם געהאַלטען אָבגעזונדערט אונטער דער אויפזיכט פון אַ ספּעציעלען וועכטער, וועלכער איז ניט אָנגעשטעלט געוואָרען פון דער אַנשטאַלט.

דיא דריי הונדערט בויגלאַך פּאַפּיער, וואָס דער בעאַמטער האָט מיר געגעבען און וואָס איך האַלט נאָך ביי זיך, זיינען געשריעבען מיט אַ בליישטיפט, פון אַ פיעבערהאַפטע האַנד, אין גרויס איילענים, אין אַ דונקעלע צעללע.

דיזער מאַנוסקריפּט ענטהאַלט אין זיך דיא ערצעהלונג, וועלכע מיר גיבען דאָ איבער. ביז יעצט האָט זיך מיר דיזע שילדערונג אויסגעוויזען אַזוי זאָנדערבאַר, דאָס איך האָב זיך ניט געקענט בעשליסען איהר צו פערעפענטליכען. אבער פאַר דער לעצטער צייט האָבען דיא נאַכפאָרשונגען פון דיא גרעסטע ספּעציאַליסטען אין היפּנאָטיזמוס און אין מאַרך ארויסגעבראַכט אַזעלכע מערקווירדיגע ערשיינונגען, דאָס אַלע אונזערע געוועהנליכע ערשיינונגען וועגען זעלבסט־בעוואוסטזיין, פרייען ווילען און זאָגאַר מענשליכע אינדיווידואַליטעט זיינען געבראַכט געוואָרען אין אַ צומישענעס. דעריבער דענק איך, אַז איך וועל לייסטען גוטעס דער פּהיזיאָלאָגישער וויסענשאַפט, ווען איך וועל דיא ערצעהלונג פון עמיל דעטוש דרוקען. עס איז גענוג צו ערמאַהנען, אַז עהנליכע פעללע זיינען בעריכטעט געוואָרען פון שאַמיסאָ, האָפמאַן, באַלזאַק און דאָ ניט לאַנג פון בעזאַנט און רייס.

דאָקטוירים האָבען געדאַרפט נאָכזעהען און פערגלייכען דיזע אויסערגעוועהנליכע פאַקטען, וועלכע זיינען בעשטעטיגט געוואָרען פון אַזעלכע פערטרויענס־ווערטהע פּערזאָנען, שטודירען דיא פאַקטען און ענטדעקען זייער שייכות מיט היא מופתים פון דער רעליגיאָן, ביי וועלכע זיי רויבען אַוועק זייער גאַנצען איבערנאַטירליכען כאַראַקטער.

איך בין געוועזן געצוואונגען צו פאַנאַנדערפּלאָנטערן און צו ערקלערען דעם מאַנוסקריפּט; אבער דאָך האָב איך, אַזוי ווייט וויא מעגליך, רעספּעקטירט דיא שרייבאַרט פון דעם געפאַנגענעם. זאָל דער לעזער אַליין אורטהיילען, איבערלעזענדיג דיא ערצעהלונג, צי זאָל איך איהם רופען: משוגענער פון שאַרענטאָן. איך גיב איבער זיין ערצעהלונג אין דער דריטער פּערזאָן און האָב אויסגעלאָזען געוויסע פּאַטהאָלאָגישע (קראַנקהייטס) בעשרייבונגען וועלכע קענען פיעללייכט זיך אויסווייזען צו רעאַליסטיש פאַר דיא לעזער אויסערהאַלב דער מעדיצינישער פּראָפעסיאָן.

P. L.

ערשטער טהייל.

דאָס איז געוועזן אין מאָנאַט דעצעמבער. דרויסען איז געוועזן קאַלט, און עמיל דעטוש איז געוועזן שרעקליך הונגעריג. דער שנעע האָט וויא מיט אַ ווייסע ליילאַך בעצויגען דיא גאַסען, אַ פראָסטיגער ווינד האָט דורכגענומען דעם דיקסטען מאַנטעל און האָט געטריעבען דיא זעלטענע פוסגעהער שנעל צו שפּרייזען.

מיט אַ בלויע געזיכט, קלאַפּענדיג אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, ציטערנדיג מיט יעדען אבר, איז עמיל געשטאַנען וויא אַ צוגעשמידטער לעבען אַ פענסטער פון אַ גלענצענד בעלויכטעטען רעסטאָראַן. פון דער אַנדערער זייט פענסטער האָט ער געזעהן איז זיך גלעגען גאַנץ בעלי־הבית'יש אויסגעצויגען אַ פינף פוסיגע פיש אין אַ בעט פון גרינס; ווייסע הינדלאַך, מיט דיא פאַלקעס

פערריסען, האבען אונשולדיג ארויסגעשטעלט זייערע פעטע הינטער חלקים; קוראפאטקעס, טויבען און אנדערע מינים פויגלאך זיינען געווען פערגאסען אין סאוסען; שעהנע עפעל און הערליכע בערנעס, איינגעוויקעלט אין זייד־פאפיער, זיינען זיך געלעגען צולייגט מיט גדלות אין ווייכע קערבלעך. א ריעזיגער פלאדען, בעלאגערט מיט זילבער־ווייסע צאצקעס, האט צוגעצויגען זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט. דער פלאדען איז געווען אויפגעשניטען אזוי פיעל, אז עס האט זיך ארויסגעזעהן זיין ראיגע פלייש, דורכגעאדערט מיט פעטע לעבערליך און טרופלען.

עמיל'ס אויגען האבען זיך זשעדנע אויפגעעפענט און זיינע צוויי און דרייסיג לאנגע און שארפע צייהנער האבען זיך צונויפגעצויגען. שוין דריי טעג אז דער אונגליקליכער האט גאר ניט געגעסען; דער שטארקער הונגער האט איהם צוזאמענגעדרעהט, געשניטען דיא געדערים, צוזאמענגעצויגען דיא מוסקלען פון דיא באק־צייהנער און אנגעפילט זיין מויל מיטסלונע.

אזוי איז ער געשטאנען אונבעוועגליך, ניט פיהלענדיג קיין קעלט, פערשטיינערט ביי דעם אנבליק פון דעם געטליכען שטאף, וועלכער וואלט געקענט שטילען זיין הונגער, מאכען א סוף צו זיינע יסורים און אנפילען איהם מיט פערגניעגען פון דער וועלט. בלויז א שוואכע שויב האט איהם אבגעטהיילט פון דעם, וואס ער האט אזוי שטארק געוואלט. איין קלאפ מיט'ן פויסט וואלט צובראכען דיא שויב, און דער געווינשטער פלאדען וואלט אריינגעפלויגען אין זיינע הענד. ער האט אייגענטליך געקענט א'ן עפען טהאן דיא טהיר, א ציה טאן זיין האנד צום פלאדען און נאכהער צום מויל אום צו דערפרעהען זיין מאגען. דאך איז ער געשטאנען אויף איין פלאץ אזוי וויא א צוגעשמידטער, זעטיגענדיג זיינע דורשטיגע אויגען און אויפרייצענדיג נאך שטארקער דעם הונגער אין בויך.

דער פייגלינג! דער נאטור־מענש, דער ווילדער, וואלט געכאפט און געגעסען, זאגענדיג איינפאך: „איך בין הונגעריג!“ אבער דיא מורא פאר א פאליסמאן, דער פחד פאר דעם מאראלען צארן פון אונזערע ציוויליזירטע מענגעם געגען א'ן אפענע גנבה, האט געבראכען זיינע הענד און פים, פאראליזירט און דערשטיקט דעם געוואלדיגען פערלאנג פון דער נאטור.

און וואס האט דער אונגליקליכער געהאט וואס מורא צו האבען? ער איז דאך סיי וויא סיי אויסגעגאנגען פון הונגער, און צו ענדיגען זיינע יסורים האט ער געדענקט צו בעגעהן זעלבסטמארד.

„צו וואס ניצט מיר דער לעבען! איך קען פילייכט נאך קריגען וואס צו עסען דיזען אבענד, אבער מיט וואס וועל איך פערטרייבען דעם הונגער מארגען, איבער־מארגען, דיא ווייטערע טעג? צו וואס ניצט דער קאמפף פיר עקזיסטענץ אז יעדער מיטעל צום לעבען איז ניט מעהר וויא א קוואל פון עלענד און יסורים. גענוג זאל עס זיין! אונגליקליכער, הונגערליידענדער, זעטיג אן דיינע אויגען אויף דעם לעצטען באנקעט“.

אין זיין פיבערהאפטער ליידענשאפט האט ער אונבעמערקט אנגעהויבען ריידען אויף'ן קול.

א פיין געקליידעטער מאן פון א יאהר פופציג, הויך און זעלטען דיק, מיט א שווארצע באהרד, א'ן אנגעבלאזענע געזיכט, מיט א גרויסען רונדען בויך, אז דער ברייטער אויבערמאנטעל האט זיך קוים געקענט צונויפשפילען, האט זעהר אויפמערקזאם בעטראכט דעם אונגליקליכען. ארויפלעגענדיג זיין האנד אויף עמיל'ס שולטער, האט ער געזאגט:

—איהר ווילט אלזא בעגעהן זעלבסטמארד?

—יא, האט ער געענטפערט מעכאניש.

—איהר ווילט ענדיגען אייער לעבען, ווייל איהר זייט הונגעריג?

—יא.

—איהר זייט נאך יונג, גוט געבויט; איהר זייט גראדע דער מאן, וועמען איך זוך; קומט נאך מיר.

בעטראכטענדיג איהם פאר א מלאך הגואל, האט עמיל פיעבערהאפט געשפאנט נאך דעם אונבעקאנטען. דיעזער איז אריין איז וועפאור'ס רעסטאראן, איז דורכגעגאנגען דעם גרויסען עסס־זאאל און האט זיך געזעצט אין איינעם פון דיא בעזונדערע עסס־ציממערן. מיט א פריינדליכער מיענע האט ער איינגעלאדען דעם הונגעריגען זיך צו זעצען. אויף'ן טיש איז געלעגען עטוואס ברויט, און דער הונגעריגער האט זיך וויא א וואלף צוגעכאפט דערצו.

— האט דאך אביסעל געדולד, מיין פריינד, זייט פארזיכטיג מיט אייער אפעטיט, מיט דאס טהייערסטע פון אלע ברכות. ווארט ביז מען וועט דערלאנגען דעם היהנער־סופ.

אין איין אויגענבליק האט עמיל אויסגעלעדיגט דעם טעלער סופ. מען האט דערלאנגט געבראטענע איסטערס.

— אום גאטעס ווילען, איהר הרג'עט זיך אוועק. עס איז דאך א שאנדע צו עסען איסטערס מיט ברויט.

דער פעטער מאן האט גאר ניט געגעסען, נאר מיט גרויס בעוואונדערונג האט ער אויפגעפאסט וויא זיין גאסט שלינגט.

— האלט זיך אב אביסעל און כאפט זיך ניט צו אין גאנצען צו דיא ערשטע געריכטען, פערגעסט ניט, אז עס איז נאך דא געבראטענע גאנז און נאכדעם א לאבסטער סאלאד.

גראדע אזוי וויא א געניטער רייטער האלט איין א צוהיצטען פערד, אזוי האט ער איינגעהאלטען דעם וועלפישען אפעטיט פון דעם יונגען מאן. מיט קלוגע און זאגאר וויסענשאפטליכע ערקלערונגען האט ער געוואלט פערלענגערן דעם פערגניגען פון דעם הונגעריגען, אום ער זאל פיהלען וואס מעהר דעם תענוג.

עמיל האט עטליכע מאל פרובירט אבדאנקען זיין זאנדערבארען וואהלטהעטער, נאר יענער האט איהם גלייך אונטערבראכען :

— מאכט ניט קאליע אייער אפעטיט מיט'ן רעדען, ניט אפט וועט איהר האבען אזא זעלטענעם אפעטיט. איך וואלט אוועקגעגעבען טויזענד פראנק, צעהן־טויזענד פראנק, פאר אזא אפעטיט וויא אייערן. עסען איז דיא העכסטע פפליכט פון דער מענשהייט. אלע רעליגיאנען האבען דאס געמאכט פאר א הייליגע צערעמאניע. דיא גרעסטע צערעמאניע פון קאטאליציזמוס איז יעזוס'עס אבענדמאל, דיא הייליגע און געהיימניספאלע יוקאריסטיע, ווען מען עססט כלומר'שט גאט'ס פלייש און בלוט. עסען דארף מען אימער אין א רעליגיעזע שטילקייט, כדי דער געדאנק זאל זיין אין גאנצען פערטהאן אין דעם. דיא מאנאכען, וועלכע זיינען דיא גרעסטע קינסטלער אין הלכות אכילה, האבען ניט אומזיסט איינגעפיהרט שטילקייט אין זייער קירכליכען עסס־צימער.

—אר־אוף ! איך קען שוין מעהר ניט עסען, איך דאנק אייך זעהר.

—האלט בעסער אייערע דאנקען פיר א בעסערע געלעגענהייט, ווייל איך בין ניט א פילאנטראפישער פריידענקער און ניט א בעל־רחמים־דיגער קריסט, מיר קומט קיינע דאנקען. איהר האט בעפריעדיגט אייער קישקע, און יעצט האף איך וועלען אייערע אויערן מיך קענען הערען. ווען איהר זייט געשטאנען און געקוקט אין פענסטער פון רעסטאראן, מיט אזא בליק, וועלכער וואלט געקענט צושמעלצען דיא פעטס פון א חזיר, האב איך אייך שטארק מקנא געווען. איך האב זיך געוואונשען צו פערמאגען אזא אפעטיט. גאלד, וועלכע איך פערמאג מעהר פון א איד, פערשאפט מיר פערגניגען פיר'ן גייסט און געפיהל, אבער איך פעראכטע זיי. אפעטיט איז העכער פאר קענטנים, העכער פאר ליעבע. איך לעב נאר דורך מיין מאגען און פאר מאגען. דעם אמת'ען פערגניעגען פיהל איך נאר דאן, ווען איך עסס און טרינק. ווייטער איז אלץ הבל הבלים. איך בין דער בעוואוסטער ש.... דערפון קענט איהר שוין וויסען, אז מיין פערמעגען איז אונגעהויער. איך ווייס אליין ניט דיא צאהל פון מיינע מיליאנען. צו צוויי און דרייסיג יאהר בין איך שוין געווען א קאהלען־ און אייזענבאהן־מאגנאט. איך בין אים שטאנד אנצו'שכור'ן זיך מיט דיא קושען פון ליעבע און מיט דיא בשמים פון עהר־גייץ. איך קען זיך פערגינען אלע פערגניגענס פון דער גאנצער וועלט. אבער, פערשטעהט מיך, איך פעראכטע דאס אלעס, איך וואלט אוועקגעגעבען אלע פערגניעגענס, וואס מענשען קענען זיך נאר ווינשען, פאר איין מאהלצייט פון מיין הויפט־קעכער, דיעזען טאלענטפאלען און וויסענשאפטליכען כעמיקער, דעם איינציגען מענש וועמען איך ליעב און שעטץ. ווען שלמה המלך, וועמען גאט אליין האט בעשאנקען מיט חכמה, איז געווארען איבערזעטיגט פון אלע פערגניעגענס וואס מען קען זיך נאר פארשטעלען און האט אויסגעשריען אין פערצווייפלונג „הבל הבלים הכל הבל“ — איז דאס נאר דערפאר, ווייל ער האט אויסגענוצט אלע פערגניעגענס פון ליעבע, דיא פריידען פון געדאנק, און דיא צופריעדענהייט פון אבסאלוטע רעגיערונג; אין דער צייט ווען ער איז געבליבען גאנץ אונוויסענד אין דיא העכסטע הנאות פון הלכות אכילה. וואס איז ליעבע ? איין עלענדער, פערגעהענדער פערגניעגען. עס האט קוים אנגעפאנגען, וויא — טראך ! עס איז צויאגט, פערשוואונדען. אין פערגלייך מיט דעם זיינען דיא פריידען פון מאגען א'ן עוויגקייט. דער איינפאכער פאסטוך איז געווען קליגער פון שלמה דעם חכם ; אלע נאציאנען, פון דעם אפריקאנער נעגער ביז דעם געלען כינעזער, אלע האבען אנגענומען אלס דעם בעסטען צייכען פון סאציאלער ערהאבענהייט א'ן אויסגעשפרייטען בויך, קיילעכדיג וויא דיא ערד. דיא קאפיטאליסטישע בורזשואזיע, דער קלאס וועלכער רעגיערט יעצט דיא וועלט, דער קלאס צו וועלכען איך בעלאנג און פון וועלכען איך בין איינער פון

דיא העכסטע און שטאַרקסטע פערטרעטער — דיזער קלאַס האָט פון זיך אַראָבגעוואָרפען יעדען יאָך, סיי פון אינטעלעקטועלע סיי פון פהיזישע ארבייט, און האָט זיך איבערגעגעבען אין גאַנצען צו פּאַשען דעם בויך און צו בעשאַפען א ראַסע פון בויך־מעכטיגע. ווייסט איהר, וואָס עס איז דער זעלטענסטער פּאַקט אין אונזער צייט, דער פּאַקט, וועלכער כאַראַקטעריזירט אַם בעסטען אונזער יאהר־הונדערט? דאָס איז ניט דיא ערפינדונג פון טעלעפאָן, ניט דיא ענטדעקונג פון דינאַמיט, אויך ניט דער אויפשטאַנד פון דער קאָמונע און ניט דיא ניעדערלאַגע ביי סעדאַן. דאָס איז דער קליינער מעדאַל וועלכער איז געמאַכט געוואָרען אויף דעם בעפעהל פון דיא קינסטלער, שריפטשטעלער, זשורנאַליסטען, פילאָזאָפען, וויסענשאַפטס־מענער און פון דעם ציימעס פון דער געבילדעטער און גאַלאַנטער בורזשואַזיע, צו לאָזען וויסען דיא קומענדע דורות דאָס אין 1870, אין דער צייט ווען פּאַריז איז געווען בעלאַגערט, באָמבאַרדירט און פערפלייצט מיט פייער, וואַרפענדיג זיך אין מלחמה־פיעבער און קרעכצענדיג פון הונגער, האָבען זיי, דיעזע גרויסע בירגער, געזעסען און געטרונקען [illegible] דיג, וויא געוועהנליך. וואס פאַר ערהאַבענע און גרויסמיטהיגע נשמות דאָס זיינען געוועזן, אום צו ערהויבען זיך אזוי איבער דיא אלע אונגליקען און יסורים, וועלכע האָבען זיי ארומגערינגעלט, און צו ערפילען מיט אזאַ רוהיגקייט און פרייהייט פון געמיטה דיא ערשטע און וויכטיגסטע פונקציאָן פון דער מענשהייט!*)

„דיא אינדוסען, וואָס זיינען אזוי פערטיעפט אין עולם העליון, פאַלען אריין אין דיא געהיימניספאָלע התלהבות, בעטראַכטענדיג דעם פּופּיק, דעם מיטעלפּונקט פון דעם מענשליכען בויך! דער בויך איז דער אמת'ער גאָט פון דער מענשהייט. עס איז נאָר פון זיין בעפרידיגונגס וועגען, דאָס דיא מענשען אַקערן דיא ערד און לאָזען זיך אוועק איבער ווייטע און ברייטע ים'ען. דער בויך איז דיא ספרונזשינע פון דער מענשליכער טהעטיגקייט, אימער אויסגעצויגען, אבער קיין מאָל ניט צופּלאַצט. אום איהם אָנצושטאָפּען ברייגען דאָס מענשען צו־נויף אין גרויסע שטעדט דיא פּראָדוקטען פון אלע לענדער. זיינע בעדירפניסע און פערלאַנגען זיינען אזוי גרויס, זשעדנע און ווערען אימער בענייט, דאָס אלע פעלקער פון'ם ערד־קוגעל ווערען פעראייניגט. נאָר, צום טייוועל! איך האָב זיך פערהערט, אזוי ווי [illegible] געהאַלטען אַ דרשה, אבער דאָס איז דערפאַר, ווייל ווען איך רייד פון דעם געגענשטאַנד, ווער איך אזוי בעגייסטערט, אז דאָס פערטראָגט מיך צו מיין אידעאַל. אבער לאָמיר זיך אומקעהרען צו אונזער ענין. אה! וואס פאַר א בעדויערנסווערטהע באַשעפעניש איז דער מענש! וויא אונפאָלקאָמען, וויא ניעדריג ער שטעהט געגען אנדערע חיות פון דער ערד. דיא נאַטור האָט זיך מיט איהם בעגאַנגען וויא א שטיעף־מוטער. ניט זיא האָט איהם בעשאָנקען מיט דעם אונענדליכען קאָרגעל פון דער זשיראַפע, צו קוויקען זיך לאַנג און לאַנגזאַם מיט דעם געשמאַק פון טהייערען וויין, ניט מיט דעם היטציגען און אונערזעטטליכען מאָגען פון דער ענטע, צו פערדייען אלעם אָהן שווירינקייט. זיא האָט זיך מיט איהם בעגאַנגען, מיט דיעזען זאָ־גענאַנטען קעניג פון אלע בעשעפעניסען, פיעל גרויזאַמער איידער מיט דיא פּאַראַזיטישע ווערים, וועלכע זיינען דיא איבערגליקליכסטע בעשעפעניסען אין דער וועלט, האָבענדיג דיא מעגליכקייט צו באָדען זיך אין זייער אייגענעם נאַהרונגס־זאַפט און אימער אָנטרינקענדיג זיך דורך זייערע צעללען מיט דעם! דער מענשליכער מאָגען אבער איז זעהר בעגרענצט, צרה'דיג בעגרענצט. און אַ צוגאָב צו דיא צרות איז, וואָס דעם מענשענס אויגען זיינען גרעסער וויא זיין מאָגען, אלעס זעהט ער און וואָלט אלעס איינגעשלונגען, אבער ער קען עס ניט פערדייהען. איך האָב אבער איין טרויסט אלס א בעלאָהנונג פאַר דעם וואָס מיין מאָגען ליידעט דורך דיא שוואַכקייט

*) דער מעדאַל וועגען וועלכען ש. רעדט דאָ, איז געווען אויסגעפּרעגט אין פּאַריזער מינץ־הויף צור עהרע פון דעם רעסטאָראַן־אייגענטהימער פּאָול ברעבאָן. אויף איין זייט איז געווען פאָלגענדע אויפשריפט: „אין דער צייט ווען פּאַריז איז געווען בעלאַגערט, האָבען געוויסע פערזאָנען, וועלכע זיינען געוואָהנט געווען צו טרעפען זיך יעדע צוויי וואָכען ביי ברעבאַן, קיין מאָל ניט בעמערקט דאס זיי עסען מיטאַג אין א בעלאַגערטער שטאָדט פון 2 מיליאָן נפשות. 1870-1871".

אויף'ן צווייטען זייט איז געווען:

**A Monsieur Brebant:**

**Ernest Renan, Paul de St. Victor, M. Berthelot, Ch. Blanc, Scherer, Dumesnil, A. Nefftzer, Ch. Edmond, Thurot, Marey, E. de Goncourt, J. Bertrand Theophile Gauthier, A. Hebrard.**

פון דעם מענשענס נאטור. איך בין אים שטאנד באטש אביסעל צו פערגרעסערן און פערשטאר־קען זיין קראפט מיט דעם, וואס איך קען קויפען דעם מאגען פון א צווייטען, אזוי וויא מיינע ברידער קאפיטאליסטען קויפען דיא טאלענטען און דעם געוויסען פון זייערע מיט־מענשען. דע־ריבער שלאג איך פאר, אז איהר זאלט מיר פער־קויפען אייער פערדייהונגס־קראפט, אזוי וויא מיינע ארבייטער פערקויפען מיר זייער ארבייטס־קראפט, דיא איגזשינירען זייער אינטעלעקטועלע קראפט, דיא קאסירער זייער ארענטליכקייט, די אם'ען זייער מילך און מוטערליעבע פאר מיינע קינדער.

— איז דאס אבער מעגליך?

— גאנץ געווים. איהר פערשאפט און שטעלט צו אייער אפעטיט, און איך וועל שוין עסען און טרינקען פאר אייך, און איהר וועט שוין זיין בעפריעדיגט. דיא מאראליסטען, וועלכע זיינען אזעלכע אומגעלומפערטע און פעראור־מערטע צוויי־פיסיגע חיות, פרעדיגען אימער צו פערהאסען דאס וואס זיי רופען דיא מיאוס'ע פערגניגענס פון גוף. איהר זייט אבער צו יונג און פראסט צו דרעהען זיך א קאפ מיט אזעלכע חקירות. דיא בעסטע זאך פאר אייך איז, מיר צו פערקויפען אייער אפעטיט, וועלכער פעראור־טהיילט אייך צו ארבייט און נויטה. דאן וועט איהר האבען געלד צו פערשאפען זיך דיא פער־גניגענס פון וועלכע איהר זייט ביז יעצט געווען בערויבט. איך גיב אייך דערפאר 1500 פראנק מאנאטליכען געהאלט.

— אבער...

—קיינע אבערס! איהר דענקט עס איז ניט נענוג? זאל זיין צוויי־טויזענד פראנק. בעטראכט נאר, ווען איהר זאגט זיך אב פון מיין פארשלאג, וועט איהר דאך ניט האבען וואו איבערצושלא־פען דיא נאכט און וואו צו קריגען וואס איבער־צובייסען מארגען אין דער פריה. ווען איהר נעהמט אבער אן דעם פארשלאג, וועלען אייך דיא שעהנסטע מיידלאך פון דיא בולווארען איינלאדען צו זיך.

עמיל'ס אויגען האבען אנגעהויבען צו פונק־לען.

— צוויי טויזענד פראנק! צוויי טויזענד פראנק א מאנאט, דאס וועט מיר טאקי צו־נוטץ קומען. אבער וואס האב איך צו טהאן דערפאר?

— שרייבט נאר אונטער א קאנטראקט ביי א נאטאריוס. וואס קוקט איהר מיך אן אזוי! איך בין ניט דער טייוועל, צו אלל־דיא שווארצע יאהר! איך בין א געוועהנליכער בשר ודם אזוי וויא איהר. אבער קיין לעבעדיגע בעשעפענים פערמאגט ניט דיא קראפט וואס איך. מיין וויס־סענשאפט איבערשטייגט דיא וויסענשאפטען פון אנדערע מענשען. דיא גאנצע קראפט פון נאפאלעאן דעם גרויסען און דיא גאנצע וויסענ־שאפט פון דארווין האט זיי ניט געגעבען דיא מעגליכקייט צו עסען צוויי מיטאגס א טאג. איך אבער בעזיץ דיזע וואונדערבארע און טהייערע מעלה!

,,דער נייןצעהנטער יאהרהונדערט, וויא דער גרויסער בורזשואזנער פילאזאף, אגוסט קאנט, האט עס ערקלערט, איז דער יאהרהונ־דערט פון אלטרואיזמוס (לעיבע צום 2טען). דער פאר באמת האט מען נאך קיין מאל ניט פער־שטאנען אזוי גוט אויסצוניצען דעם צווייטען וויא יעצט... דיא קאפיטאליסטישע עקספלואטא־ציאן איז אזוי אויסגעצייכענט, דאס יעדע פער־זענליכע אייגענשאפט, דיא איינגעבארענסטע אין דעם אינדיווידיאום, ווערט אויס־גענוצט צום בענעפיט פון א'ן אנדערן. אום צו פערהיטען זיין אייגענטהום דארף דער קאפיטא־ליסט זיך שוין מעהר ניט פערלאזען אויף זיין אייגענעם מוטה; ער האט יעצט געדונגענע פראלעטאריער, וועמען ער פערקליידעט אלס סאלדאטען און זיי פערטהיידיגען איהם שוין. דער באנקיר פערצעהרט דיא ארענטליכקייט פון זיין קאסירער, דער פאבריקאנט דיא לעב־קראפט פון זיינע ארבייטער, אזוי וויא דער פער־דארבענער יונג נוצט אויס דעם געשלעכט פון דיא גאסען־פרויען. נאר פון דעסטוועגען זיינען נאך פערבליעבען צוויי אייגענשאפטען, וועלכע האבען זיך ארויסגעדרעהט פון דעם קאפיטא־ליסטישען אלטרואיזמוס. דאס זיינען נעמליך דיא קינדערטראגען־פעהיגקייט פון דער פרוי און דיא פערדייאונגס־פעהיגקייט פון מאגען... ביז יעצט איז נאך קיינעם ניט געלונגען צו פער־וואנדלען דיזע צוויי פעהיגקייטען אין א סחורה, וועלכע מען קען קויפען און פערקויפען, אזוי וויא מען קויפט און פערקויפט דיא אונשולד פון דער בתולה, דיא קדושה פון דיא גייסטליכע, דעם געוויסען פון געזעצגעבער און ריכטער, דיא קונסט פון שרייבער און דעם שכל פון דעם בעמיקער. דער מאן, וועלכער וועט בעווייזען דיזען וואונדער, וועט זיין פיעל גרעסער פון קארל דעם גרויסען און קלינער פון ניוטאן. ער וועט זיין דער גרעסטער וואהלטהעטער פאר דיא קבצנים. דאן וואלט דיא רייכע פרוי ניט דאר־

פען מעהר פערדארבען איהר רייצענדע פיגור, טראגענדיג לאנגע אוי שמערצפאלע מאנאטען דיא פרוכט פון איהר מוטער־לייב. זיא וואלט דאן געקויפט דיא מוטער־לייב פון א קבצנ'טע, וועלכע וואלט פאר דער בעלאהנונג געטראגען און געזעטיגט מיט איהר בלוט דיא קאפיטאליס־טישע ליעבע־פרוכט. דיא קבצנ'ישע פרוי וואלט דאן געהאט אברוה פון איהרע דחקות און וואלט געקענט עסען און טרינקען וויא פיעל איהר הארץ געלוסט. דער קבצן וויעדער וואלט ניט געדארפט ציטערן מעהר פאר זיין ערגסטען שונא, דעם הונגער. ער וואלט נאר דארפען ענטוויקלען זיין אפעטיט, וועלכער וואלט געווען א גאנגבארע סחורה פאר דעם מיליאנער, וואס זוכט אימער דאס בעסטע — אזא סחורה, וועלכע דיא גריכישע פילאזאפיע האט ניעמאלס געקענט ענטדעקען. שטעלט זיך נאר פאר וואס פאר א שמאליך־גרוב עס וואלט זיך געעפענט פאר דיא קבצנים! איך אליין פערשטעה יעצט דיא קונסט, אז איך זאל עסען און אנאנדערער זאל עס פערדייהען; אבער ביז מיין טויט וועל איך ניט אויסזאגען דעם גרויסען סוד.

— איהר מאכט שפאס.

— ניין, מיין פריינד, ווען מען בעטראכט דיא זאך גרינדליך, איז עס גאר ניט מעהר וואונ־דערליך און שווער, אז אנאדערער זאל פער־דייהען דיא פלייש וואס איך לעג אריין אין מיין מאגען, וויא אויסצופיהרען אין דעם זעלבען אויגענבליק דורך'ן טעלעגראף אין לאנדאן אדער ניו יארק א פלאן, וויא נאר ער קומט מיר אויף דיא געדאנקען אין פאריז.. א סימן האט איהר, אז איך טרייב קיין קאטאוועס — אט זיינען דיא ערשטע צוויי־טויזענד פראנק פאר דיזען מאנאט.

ש. און דעטוש זיינע גלייך אוועק צום אפיס פון נאטאריוס מ. גאבאריט, וועלכער האט פאר זיי אויסגעמאכט דעם קאנטראקט, גאנץ פארזיכטיג אויסארבייטענדיג דיא קאנדיציאנען, וועלכע ביידע האבען אונטערגעשריעבען. עמיל דעטוש האט פערקויפט אויף פינף יאהר זיין אפעטיט, מיט דער בעדינגונג צו קריגען צוויי־טויזענד פראנק א מאנאט, וועלכע דארפען איהם אויסגעצאהלט ווערען יעדען מאנאט פאראוים. אז דער קאנטראקט איז שוין געווען אונטערגע־שריעבען, האט עמיל געמאכט א פיינע כוסה, נאך וועלכער ער האט געכאפט א שטארקען דרעמיל.

ווען ער האט זיך אויפגעכאפט, האט ער זיך דערזעהן לעבען א טיש אין א רעסטאראן, אויף וועלכען עס איז געשטאנען א פאר גאנץ היבשע גלעזער ביער און ביי דער זייט א יונגע מיידעל, וועלכע האט געהאלטען אין איין לאכען, אום צו צייגען איהרע שעהנע צייהנער. ער האט גע־מיינט, אז עס איז א חלום און האט זיך אנ־געפאנגען ארומטאפען, קנייפענדיג זיך אום צו איבערצייגען זיך צו ער שלאפט ניט. אין דיא קעשענעס זיינען געווען דיא גאלדענע מטבעות וואס ער האט געקראגען. הפנים אז עס איז דיא ווירקליכקייט. נאר דער טייוועל ווייס, וויא ער האט פערבראכט דעם אבענד, וועלכער האט זיך אזוי זאנדערבאר אנגעפאנגען.

(שלוס אין נעכסטען נומער).

ווער עס וויל איבער א דיכטער זיין א דיכטער, דער מוז פריהער פון אלעם אליין זיין א דיכטער.

פאר דיא געלד וואס האט געפעהלט דעם געניוס ביי זיין לעבען צום עסען, מאכט מען איהם א מאנומענט נאך זיין טוידט.

# עלילות דם.

(דיא ענטשטעהונג און ענטוויקלונג.)

אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט זעהען מיר אפט ערשיינונגען, וועלכע האבען בײ'ם אנהייב, דוכט זיך, גאר קיין שום ווערדע ניט, קיין שום שייכות ניט מיט'ן לעבען. ווען מיט גייען זיי אבער איבער פון דור צום דור, פון איין יאהרהונדערט צום אנדערן, ווערען זיי אזוי שטארק פערגרעסערט, אזוי פיעל פערענדערט, אז זיי בייטען אין גאנצען זייער כאראקטער, נעהמען אן א גאנץ אנדערע פארם און קריגען א גאנץ אנדערע בעדייטונג. דאס, וואס עס איז פון אנהייב אזוי איינפאך און אפט אפילו לעכערליך, ווייל עס איז אויסגעטראכט פון דיא אדער פון יענע פערזאן, נעהמט מיט דער צייט אן מעהר און מעהר א מיסטעריעזען (געהיימניספאללען) כאראקטער; מען הויבט עס אן צו בעטראכטען אלס עטוואס אונגעוועהנליכעס, אוננאטירליכעס, „געטטליכעס". דאס ווערט אזוי איינגעבאקען אין דיא מוחות פון פאלק, אז נאכהער איז שוין כמעט אונמעגליך זיי צו ערקלערן און צו בעווייזען וויא אונוויכטיג און אונבעדייטענד דיא זעלבע ערשיינונג, וועלכע זיי בעטראכטען פיר „געטטליכעס", איז געוועזען אין איהר אנפאנג.

אויף [illegible] זיינען ענטשטאנ[illegible] אבערגלויבען, אללע משוגענע מנהגים, אללע רעליגיאנען.

היינט ווער שמועסט שוין, ווען א געוויסער מנהג קען אויסגענוצט ווערען, אום אנצופילען דיא פאקעטס פון א בעשטימטע קלאססע מענשען און ווען דיא זעלבע מענשען האבען איין איינפלוס אויף דעם המון און דער מנהג איז נאך דערצו געריכטעט געגען שוואכע, שוצלאזע מענשען! דאן ווענדעט מען שוין אן מיטעל צו צוגעבען דעם מנהג אזא מין זין, אזא בעדייטונג וועלכען ער האט גאר קיין מאל ניט געהאט און ניט געקענט האבען.

אויף אזא אופן איז אויך ענטשטאנדען דיא לעגענדע איבער עלילת דם.

וויפיעל צרות, וויפיעל יסורים האט אט דער אבערגלויבען געבראכט! וויפיעל אונשולדיגע קרבנות זיינען געפאלען, וויפיעל טייכען אונשולדיגעס בלוט זיינען פערגאסען געווארען צוליעב דעם!! און דער אבערגלויבען האט זיך אזוי איינגעוואורצעלט אין דיא מוחות, אז נאך עד היום קומען פאר—אפילו אין ציוויליזירטע לענדער — פראצעסען וועגען עלילת דם! עס פערשטעהט זיך, אז דיא אונוויסענהייט פון דער מאסע פון איין זייט און דיא פערדארבענהייט פון דיא כלי הקודש, וועלכע זוכט צו האלטען דאס פאלק אין פינסטערניס, כדי בעסער איהם צו קענען שערען, פון דער אנדער זייט, זיינען די הויפט אורזאכען פון אזא טרויעריגע, קיים גלויליכע ערשיינונג!

פיעלע פון דיא **לעזער** וועלען עס קיים [illegible] לעז גלויבען, זיי וועלען פיעלייכט נתפעל ווערען, ווען זיי וועלען [illegible] הערען אויך וואס פיר איין אופן אמ[illegible] עקליכער בלבול, וועלכער האט געבראכט און ברענגט נאך עד היום אזוי פיעל צרות, אזוי פיעל קרבנות, איז ענטשטאנדען.

בשעת דיא אידען זיינען געוועזען אין גלות בבל, האבען זיי איבערגענומען ביי דיא באבילאנער א מנהג צו מאכען פורים א גולם, איהם אנשלאגען אן א צלם און איהם פערברענען. דאס פלעגט בעגלייטעט ווערען מיט פערשיעדענע אנדערע צערעמאניעס. כמעט דאסזעלבע פלעגען יעדען יאהר ביים איינטרעטען פון פריהלינג אויך טהאן דיא באבילאנער, ביי וועלכע עס פלעגען שפילען די הויפטראלע די געטער המן, מרדכי, אסתר און נאך אנדערע. דערפון קען דער לעזער זעהן, אז עס איז א גרויסע סברה, אז דיא גאנצע מעשה מכוח המן און פורים איז ניט מעהר וויא א לעגענדע, וועלכע דיא אידען האבען איבערגע-

(*) דיא פאקטען פיר דעם ארטיקעל האב איך ענטנומען פון מ. קולישער'ס ארטיקעל אין „רוסקאיא מיסל" פון יוני, 1901.

נומען פון דיא באבאלאנער. און אט דער אונשול־דיגער שפיעלכעל האט געלעגט דעם גרונד פיר דעם אבערגלויבען, אז אידען געברויכען קריסט־ליכעס בלוט פיר רעליגיעזע צוועקען!!...

עס פערשטעהט זיך, אז פון אנהייב האט מען דעם אונשולדיגען שפיעלכעל ניט געגעבען קיין שום בעדייטונג; דיא אידען פלעגען יעדען פורים קרייציגען א גולם, וועלכער האט כלומר'שט פארגעשטעלט המן. זיי האבען עס געטהאן אפילו נאך קריסטוס געבורט ביז אין 5טען יאהרהונ־דערט, ווען צום ערשטען מאל איז פון רוימישען קיסר פעראדאס ־: זיי פערבאטען געווארען צו גע־ברויכען א צלב, ווייל דיא קריסטען האבען דא־רין געזעהען איין אפלאכונג פון זייער אמונה. אין פערלויף פון יאהרהונדערטע האט מען דעם שפיעלכעל צוגעגעבען פערשיעדענע בעדייטונ־גען, פערשיעדענע פשט'לעך: דא האט מען די אידען בעשולדיגט, אז זיי הרג'ענען קריסטליכע קינדער פשוט צו ברענגען א קרבן פיר זייער גאטט, דא אז זיי האבען געקוילעט א קריסטלי־כען קינד איינפאך דערפאר, ווייל זיי זיינען מענ־שענפרעסער; דא ווידער אז מען האט גע־הרג'עט קינדער און פון זייערע הערצער, מארך און אינגעווייט האט מען פארבערייטעט פער־שיעדענע מאכלים, מיט וועלכע דיא אידען הא־בען זיך געלאבט; דא ווידער אז קריסטליכע קינדער זיינען געשלאכטעט געווארען און מיט זייערע בלוט האט מען געהיילט אלערהאנד קראנקהייטען, וויא צום ביישפיעל: צו פער־טרייבען דעם „בעזונדערען געשטאנק", פון וועל־כען דיא אידען האבען געליטען. מען האט גע־גלויבט, אז דאס בלוט פון קריסטליכע קינדער איז איין אויסגעצייכענטע רפואה פיר מענסטוא־ציע (דיא מאנאטליכע) ביי מענער, דען ביי אידען, מוזט איהר וויסען, האבען אויך דיא מע־נער רעגולען...

ערשט אין 1475 האט מען צום ערשטען מאל בעשולדיגט דיא אידען, אז זיי האבען געקוילעט דעם 3½ יאהר אלטען סעמעאן, און געברויכט זיין בלוט פיר מצה; עס האט נאטירליך ניט אויסגעמאכט, וואס דאס קינד איז פערפאלען געווארען גראדע דעם ערשטען טאג פסח, ווען דיא מצות זיינען שוין פערטיג געווען. דאס דארף אייך ניט וואונדערען, ליבער לעזער, דען אז אין 1894 האט דער מאנאט אפריל געקענט מעוברת ווערען מיט איין 31טען טאג כדי צו בע־ווייזען, אז דער איד דרייפוס איז בעגאנגען א שטאאט'ס פערראטה, טא פאר וואס האבען דיא אידען אין 1475 ניט געקענט דעם ערשטען טאג פסח אוועק הרג'ענען א קריסטליכען קינד, אום זיין בלוט צוצומישען צו דיא טייג פון מצות, וועלכע איז שוין געווען לאנג אויסגעבאקען?

אט דיא לעגענדיע איז הפנים אם בעסטען געפעלען געווארען, דען זיא האלט זיך ביז עד היום, בלויז מיט דעם אונטערשיעד, אז אנשטאט קליינע אונשולדיגע קינדער האבען דיא אידען אנגעהויבען צו קוילענען זייערע קריסטליכע דיענסטמיידלאך און אפט בענוגענט מען זיך אפילו מיט דעם, וואס מען צאפט אפ בלויז אפי־סעל בלוט...

דיא פערשיעדענע ענדערונגען, וועלכע דיא לעגענדע האט איין לויף פון דיא יאהרהונדערטע אנגענומען איז לייכט צו ערקלערען:

עס איז איין אלטער כלל, אז מיר האבען דיא טבע דעם אנדערען צו צוגעבען דיא מעלות און חסרונות, וועלכע מיר אליין בעזיצען. אין פינס־טערען מיטעל־אלטער, ווען קאטוילישע וואלקענס האבען פערדעקט דעם הימעל און געשטיקט דעם פרייען גייסט, איז אויך דער הונגער געווען א שטענדיגער גאסט אין איירופא. ער, דער הונ־גער, פלעגט אננעהמען אזא שרעקליכע פארם, אז גאנצע געגענדען פלעגען אויסשטארבען. דא־רום פלעגט מענשענפרעסעריי ניט זיין קיין זעל־טענהייט. היינט וויא באלד אידען הרג'ענען קריסטליכע קינדער, טא וואס דען קען זיין זייער צוועק, אז ניט זיי אויפצועסען?

אין גאנצען מיטעל־אלטער און שפעטער, כמעט ביז אין אנפאנג פון 19טען יאהרהונדערט האט ניט נאר דער המון, זאנדערן אפילו דיא געלעהרטע האבען געגלויבט, אז מענשליכע בלוט איז דיא בעסטע רפואה געגען פערשיעדענע קראנקהייטען. דארום, וואס האבען אידען דען געקענט קוילענען קריסטליכע קינדער, וויא ניט צו געברויכען זייער בלוט אלס היילמיטעל? און וואס דארף מען נאך מעהר, אז דיא אידען אליין, וועלכע מען האט בעשולדיגט, זיינען זיך אליין מודה געווען, אז דא האבען זיי געקוילעט דיא קריסטליכע קינדער, אום זיי אויפצועסען, דא אום זייער בלוט צו בענוצען אלס רפואה, דא ווידער דאס בלוט צוצומישען צו דיא טייג פון דיא מצות! עס איז אפילו אמת, אז דער ווידוי, אדער ריכטיגער גערעדט, דאס נאכזאגען פון די אונגליקליכע קרבנות, דאס וואס די אינקוויזיטא־רען האבען פון זיי פערלאנגט, פלעגט געשעהן אונטער די שרעקליכסטע מאטערנים, אונטער די שווידערליכסטע פייניגונגען. ביי'ן עולם אבער

האט עס געהייסען, אז דיא שרעקליכע פערברעכער זיינען זיך אליין מודה געווען, דארף מען נאך בעסערע בעווייזע? צוויי פאקטארס האבען דא געווירקט אום דעם אבערגלויבען אויפצוהאלטען.

וויא בעקאנט, פלעגען אין מיטעל־אלטער גאנצע פולקען פון ארימע קינדער, מייסטענס פון יתומים און פון אונגעזעצליכע פרוכטען פון קאטוילישע גלחים, זיך ארומטרייבען פון שטאט צו שטאט, פון דארף צום דארף, וואו זיי פלעגען בעטלען און ראבעווען, וואס מען האט געקענט. עס פערשטעהט זיך, אז פיעלע פלעגען דאביי אומקומען פון הונגער אדער דער'הרג'עט ווערען. דיא גאנצע געגענד, אין וועלכען מען האט געפונען אזא טוידטען קינד, פלעגט בעלעגט ווערען מיט גרויסע געלד־שטראפען. אום זיך דערפון צו בעפרייען, האט מען געפונען א גאנץ גוטען מיטעל: מען פלעגט נעהמען דעם טוידטען קינד עס אונטערוואַרפען אין אידישען געהעטטא און נאכהער מסר'ן דיא אידען. יעצט וועט איהר שוין פערשטעהען, וויא עס קומט, אז אידען האבען אין מיטעל־אלטער אזוי פיעל קריסטליכע קינדער דער'הרג'עט...

דער צווייטער פאקטאר איז געווען א ריין געשעפט־זאך: קודם כל האט מען פון דיא געמיינדע, וואו מען האט געפונען דעם טוידטען קינד, קאנפיסצירט אללעס, וואס זיי האבען געהאט. ווייטער האט געוועהנליך אזא טויטער־קינד אנגעהויבען צו ווייזען אלערהאנד וואונדער. דער אבערגלויבען אין מיטעל־אלטער איז געוועזען אזוי ווילד, אזוי משונה'דיג אז עס איז ניט געוועזען אזא אונזין, וואס מען האט ניט אנגענומען פאר א געטליכע זאך. מען האט דארום אויך נעגלויבט, און גלחים פלעגען פערשפרייטען אזעלכע געשיכטען, אז אונהיילבארע קראנקע זיינען געזונד געווארען, בלינדע, האבען אנגעהויבען צו זעהען, טויבע צו הערען א. ז. וו. אין דיא ערטער, וואו מען האט געפונען אזעלכע טויטע קינדער. דאס האט אנגעהויבען צו ציהען דעם המון און עס האט איינגעבראכט אוצרות דיא קלויסטערס און אדעליגע. אין דיא דיסטריקטען, וואו אזא מין געלד־גרוב האט ניט פאסירט, האבען דיא הייליגע פרעדיגער פון גאטטעס ליעבע נאטירליך ניט געוואלט בלייבען הינטערשטעליג; זיי האבען אויך ניט געוואלט, אז דער המון זאל דאס געלד אוועקפיהרען אין אנדערע דיסטריקטען, דארום האט מען זיך אויך ניט אפגעשראקען אליין אוועקצוהרג'ענען א קינד, עס אונטערצוואווארפען דיא אידען. אום נאכהער צו־מאכען א'ן עלילת־דם געשיכטע מיט אלע איהרע שרעקליכע פאלגען פיר דיא אידען און מיט דיא אוצרות פיר דיא גלחים.

יעדער, ווער עס איז בעקאנט מיט דיא געשיכטע פון דיא קאטוילישע מלאכי חבלה, וועט פערשטעהען, אז דארט וואו עס האט זיך געהאנדעלט וועגען געלד, מאכט אדער פשוט כבוד, האבען די שווארצע נשמות זיך ניט אפגעשטעלט פאר קיין פערברעכען. וואס האט בייזיי געזנאטשעט אויסקוילעגען אדער אפבראטען לעבעדיגערהייט עטליכע טויזענד אידישע נפשות? און וואס זעהען מיר עד היום? זיינען דען ניט דיא גלחים דיא אורזאכע פון גייסטיגע פינסטערניס? ווענדען זיי ניט אן אלע כוחות צו האלטען דאס פאלק אין אבערגלויבען, איהם צו פערבלענדען דיא אויגען מיט אן עולם הבא? זיינען זיי ניט דיא בלוטיגע משרתים פון קאפיטאל, דיא תליונים פון דיא דעספאטען?... יא, ליעבער לעזער, כל זמן אט דיזע גייסטליכע באנדע וועט האבען איין איינפלוס אויף דער מאסע, איז זעהר שווער צו ברענגען ליכט אין דיא מוחות פון די פעלקער.

איזאק ארטמאן.

# נייע ביכער.

## History of Socialism in the United States.

### By Morris Hilquit.

א זעהר ניצליכען און אינטערעסאנטען בוך האָט גענאָסע מאָררים הילקוויט אָנגעשריעבען, און יעדער איינער, וואָס וויל עפּעס וויסען וועגען דיא ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דער סאָציאליסטישער בעוועגונג אין אמעריקא, דארף איהם לעזען.

דער בוך בעשטעהט פון צוויי טהיילען. אין דעם ערשטען טהייל זיינען אין קורצען בעשריעבען דיא פערשיעדענע רעליגיעז־קאָמוניסטישע און אוטאָפּיש־קאָמוניסטישע געמיינדען, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרן אין דיא פעראייניגטע שטאאטען אין פערלויף פון לעצטען יאהרהונדערט. דער צווייטער טהייל שילדערט דיא געשיכטע פון דער סאָציאליסטישער בעוועגונג אין אמעריקא.

אייגענטליך פערדיענט נאָר דער צווייטער טהייל דעם נאָמען „געשיכטע פון סאָציאליזמוס“. רעליגיעז־קאָמוניסטישע געמיינדען פערדיענען איבערהויפּט ניט א פּלאַץ אין א געשיכטע פון סאָצאליזמוס. מיט געוויסע אנשטרענגונגען קען מען זיי אריינשמוגלען אין א געשיכטע פון קאָמוניזמוס. סאָציאליזמוס איז א גאנץ נייער וואָרט. אויב מיר האָבען קיין גרויסען טעות ניט, איז ער צוערשט געברויכט געוואָרען פון דעם פראנצויזישען שרייבער פּיער לערו אין דיא פיערציגער יאָהרען פון לעצטען יאהרהונדערט. מען דארף זעהען אויסמיידען א צוזאמענפּלאָנטערונג פון דעם נייעם וואָרט סאָציאליזמוס מיט דעם אלטען וואָרט קאָמוניזמוס. בעזאָנדערס דארף מען אויסמיידען אפילו א קורצע שילדערונג פון קאָמוניסטישע געמיינדען אין אלטע און נייע צייטען, בפרט נאָך רעליגיעזע, ווען מען וויל שרייבען א ריכטיגע געשיכטע פון אמת׳ן סאָציאליזמוס.

רעליגיאָן האָט איבערהויפּט קיין שום שייכות ניט מיט סאָציאליזמוס, און אין דיא רעליגיעזע קאָמוניסטישע געמיינדען איז אפילו דער קאָמוניזמוס א נעבען־זאכע. דיא מיטגלידער פון אזעלכע געמיינדען זיינען געוועהנליך געצוואונגען דורך זייער צוזאמענלעבען, אָפּזונדערונג פון דער אויסערער וועלט און זאָרגען וועגען יענער וועלט ניט צו קימערן זיך וועגען פּריוואט־אייגענטהום און איינצופיהרען געמיינשאפטליכע סעודות. דאָס איז זעהר ווייט פון ריינע קאָמוניסטישע שטרעבונגען.

דארום דענקען מיר, אז גענאָסע הילקוויט׳ס געשיכטע פון סאָציאליזמוס וואָלט א האָר ניט פערלאָרען אין איהר ווערטה, ווען ער וואָלט אין גאנצען געלאָזען אָן א זייט דיא געמיינדעם פון דיא שייקערס און אנדערע אזעלכע זאָנדערבארע סעקטאנטען. ווען דיזע סעקטאנטען וואָלטען האָטשע געהאט דעם מינדעסטען איינפלוס אויף דיא ארומיגע וועלט, דאן וואָלט זיך נאָך געשיקט צו דערמאָנען זיי. גענאָסע הילקוויט בעמערקט אליין (זייטע 24), אז „רעליגיעזע קאָמוניסטישע געמיינדען האָבען נאָר געשפּיעלט א צווייטע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער סאָציאליסטישער בעוועגונג“; אָבער מיר דענקען, אז זיי האָבען גאָר קיין ראָלע ניט געשפּיעלט אין דיזער בעוועגונג. יעדענפאלס האָט גענאָסע הילקוויט ניט אָנגעצייגט אין וואָס דיזע ראָלע זייערע איז, נאָך זיין מיינונג, בעשטאנען.

וואָס אנבעלאנגט צו דיא קאָמוניסטישע געמיינדען, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרען נאָך דיא פאָרשריפטען און אויפקלעהרונגען פון גרויסע דענקערס און נאָך גרעסערע מענשענפריינד אין זייערע ווערק, וועלכע טראָגען דעם אלגעמיינעם נאָמען „אוטאָפּיען“, זאָ האָט מען זיך צו בעשעפטיגען מיט זיי אין א געשיכטע פון סאָציאליזמוס נאָר אזוי פיעל, וויא פיעל זיי האָבען ווירקליך אויסגעפיהרט דיא געדאנקען, פּלענער און גוטע צוועקען פון זייערע לעהרערס און גרינדערס און בעזאָנדערס וויא ווייט זיי האָבען געהאט אָדער געקענט האָבען אן איינפלוס אויף דער פערשפּרייטונג פון סאָציאליסטישע געדאנקען אין דיא מאסען אָדער ווייניגסטענס אין דער ליטעראטור. אויב אזעלכע געמיינדען האָבען גאָר קיין איינפלוס ניט געהאט אויף דיא ארומיגע וועלט, דאן קען מען זיי אין גאנצען לאָזען אָן א זייט. וועגען דיא אוטאָפּיען; וועגען דיא לעהרען פון אזעלכע גרויסע און אָריגינעלע דענקערס וויא סען־סימאָן, פוריע, אָווען, קאבע, ווילהעלם וויטלינג א. ז. וו. דארף מען ריידען א סך אין א געשיכטע פון סאָציאליזמוס, ווייל זיי האָבען געהאט א זעהר גרויסען איינ־

פלוס אין דער גאנצער וועלט און האָבען דירעקט געפיהרט צו דער פערשפּרייטונג פון סאָציאַליזמוס; אָבער דיא געמיינדען, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרען פון זייערע שילער און אנהענגער מעג מען כאראקטעריזירען נאָר מיט עטליכע ווערטער, ווען מען שרייבט א געשיכטע פון דער ריכטיגער סאָציאַליסטישער בעוועגונג.

כמעט אלע פון אזעלכע געמיינדען זיינען געגרינדעט געוואָרען אין דיא פעראייניגטע שטאאטען ספּעציעל צוליעב דעם, ווייל עס איז לייכטער געווען צו קריגען לאנד, און געגרינדעט מיינסטענס פון ענטהוזיאסטישע עמיגראנטען. זיי האָבען אלע זיך געענדיגט מיט א זעהר טרויעריגען דורכפאל, וואָס עס האָט נאָר געדיענט און עס דיענט נאָך ביז היינטיגען טאָג אלע געגנער פון סאָציאַליזמוס צו צייגען, אז מענשען קענען ניט לעבען נאָך דעם סאָציאַליסטישען אידעאל. אין דיזער בעציהונג האָבען דיא אויטאָפּיש־קאָמוניסטישע קאָלאָניעס נאָר געבראכט שאדען דעם סאָציאַליזמוס; אָבוואָהל עס איז גאָר ניט שווער צו צייגען, ווארום זיי האָבען קיין ערפאָלג ניט געהאט און אויך קיין ערפאָלג ניט געקענט האָבען. גענאָסע הילקוויט ערקלערט גאנץ ריכטיג די אורזאכען פון דיזע דורכפאלען אין דעם שלום פון דעם ערשטען טהייל (זעה זייט 138—145).

אָבער ער וואָלט פערשפּאָרט צו פערנעהמען א העלפט פון זיין בוך מיט א בעשרייבונג פון דיא געמיינדען, ווען ער וואָלט גענומען אין אנבעטראכט דאָס, וואָס ער שרייבט אליין אין דער הקדמה צום צווייטען טהייל, נעמליך, „אז דיא אוטאָפּיסטישע טהעאָריען אין דיא קאָמוניסטישע קאָלאָניעס האָבען געהאט א קליינעם איינפלוס אויף דיא פאָרמירונג פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין דיא פעראייניגטע שטאאטען“ (זייטע 149). פון זיין בוך איז גאָר ניט צו זעהען, אויב זיי האָבען געהאט אפילו א גאנץ קליינעם איינפלוס.

וואָס פאר א צוועק ער האָט געהאט צו פערבינדען אין איין בוך א בעשרייבונג פון צוויי בעוועגונגען, וועלכע זיינען, וויא ער גיט אליין צו און וויא מיר דענקען עס אויך, „גאנץ פערשיעדען אין זייער נאטור און אורשפּרונג“ (זייטע 149), ווייסען מיר ניט; נור מיר רעכענען, אז ער וואָלט פיעל גלייכער געטהאָן, ווייניגסטענס אין דיא אינטערעסען פון סאָציאַליסטישע פּראָפּאגאנדא, ווען ער וואָלט דעם צווייטען טהייל ארויסגעלאָזען גאנץ בעזונדער. דער בוך וואָלט דאן געקאָסט פיעל ביליגער און וואָלט פאָלגליך מעהר געלעזען און פערשפּרייט געוואָרען. מיר ראטהען איהם דאָס צו טהאָן ביי דער צווייטער אויפלאגע, וועלכע דער בוך וועט אין א קורצע צייט האָבען, וויא מיר האָפען און ווינשען עס.

אין דעם צווייטען טהייל איז בעזאָנדערס אינטערעסאנט דער אָנפאנג פון דער יעצטיגער סאָציאַליסטישער בעוועגונג. גענאָסע הילקוויט צייגט, אז ער האָט געלעזען דיא גאנצע ליטעראַטור וועגען דיזער בעוועגונג זעלבסט. אָבער ליידער האָט ער צו־ווייניג בעשפּראָכען דיא געשיכטע פון דער טרייד־יוניאָן־בעוועגונג און בעזאָנדערס דיא אמעריקאנער ליטעראטור און די פּאָפּולערע אמעריקאנער בעוועגונגען, וויא ווייט זיי זיינען בעאיינפלוסט געוואָרן פון דיא סאָציאַליסטען אָדער וואָס פאר אן איינפלוס זיי האָבען געהאט אָדער געקענט האָבען אויף דיא סאָציאַליסטישע גרופּפּען און ריכטונגען. צום ביישפּיעל, אויף דער זייטע 160 בעמערקט ער, אז די ערשטע אינטעליגענטע דייטשע עמיגראנטען האָבען אין דיא פערציגער יאָהרען געהאָלפען דיא אמעריקאנער „פרי סאָיל (פרייע לאנד) פּארטיי“; אָבער ער ערקלערט גאָר ניט, וואָס פאר א פּארטיי דאָס איז געווען, ווארום זיא האָט זיך געגרינדעט און וואָס פאר א ווירקונג זי האָט געהאט אין אמעריקאנער פּאָליטיקס אָדער לעבען.

מיר ווייסען גאנץ גוט, אז דער סאָציאַליזמוס איז פערזעהט געוואָרען פון דייטשען אין אמעריקא און אז ער האָט נאָך פאָרלויפיג ווייניג פריכטע געבראכט; אָבער עס איז אונמעגליך, אז ער האָט גאָר קיין ווירקונג ניט געהאט נאָך אין ווילהעלם ווייטלינג׳ס צייט אויף א געוויסען טהייל פון געבילדעטע אמעריקאנער און האָט גאָר קיין אָפּקלאנג ניט געהאט אין דער אמעריקאנער ליטעראטור. דיזער אָפּקלאנג הערט זיך זעלטען אין גענ. הילקוויט׳ס בוך.

וועגען דיא לעצטע 10 יאָהר פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג שרייבט ער זעהר אויספיהרליך און גיט א זעהר קלאָרען בעגריף. אבער דאָס איז גענוג בעקאנט דיא לעזער פון דער „צוקונפט“ און דארום וועלען מיר זיך דארויף ניט אָפּשטעלען.

אין אלגעמיין האָט גענאָסע הילקוויט צוזאַמענגעקליבען און גוט איבערגעגעבען א סך פאַקטען אויס דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין אמעריקא. זיין געשיכטע איז דארום אן אויסגעצייכענטער רעפערענס־בוך.

ק. ר.

# די צוקונפט

No. 4 (28) APRIL 1904, Volume 3


## צו די ווערטהע לעזער און סימפּאַטיזער פון „די צוקונפט“

גענאָסען און פריינדע! איהר וועט געוויס פרעגען מה נשתנה השנה הזאת משנים העברו? מיט וואָס איז דאָס עפּעס אנדערש געוואָרען דיזער יאָהר פון פאָריגע צוויי יאָהר זייט דעם דיא צוקונפט איז ערשיענען? פאָריגע צוויי יאָהר האָבען דיא ארויסגעבער פון דיא צוקונפט זעלטען ווען צו אונז גערעדט, דיעזען יאָהר אָבער ריידען זיי צו אונז יעדען מאָנאַט, וואָס בעדייטעט דאָס? דער תירוץ איז נעהמליך „עבדים היינו“ ד. ה. ווייל פאָריגע צוויי יאָהר זיינען מיר געווען שקלאַווען, מיר האָבען געארבייט מיט דער גאַל פיר דיא צוקונפט אָן ערפאָלג, קיין סימן ברכה האָבען מיר ניט געזעהען, זיינען מיר געווען ניעדערשלאָגען, אלע זיינען געשטאַנען פון וויטען, קיינער האָט אונז ניט געהאָלפען צו פערשפּרייטען און פערברייטען דיא צירקולאציאָן פון „דיא צוקונפט,“ דאַרום האָבען מיר קיין מוטה ניט געהאַט צו אייך צו ריידען און ווען מיר פלעגען שוין אַ מאָל ריידען צו אייך, איז אונז אליין געווען איבערדריסיג דיא זאַך, ווייל מיר האָבען אייך קיין מאָל ניט געהאַט מיט וואָס צו דערפרייען, מיט וואָס אייך אריין צו געבען מוטה, אימער האָבען מיר זיך געהאַט צו בעקלאָגען, אַז עס געהט ניט גוט און עס איז טאַקי געווען אַ טרויעריגער אמת. וועהרענד היינטיגען יאָהר האָבען מיר מוטה, ווייל מיר האָבען אייך יעדען מאָנאַט צו בעגריסען מיט אַ פריילִיכע בשורה, אַז דיא צירקולאַציאָן שטייגט מיט יעדען מאָנאַט, אַז דיא צוקונפט ווערט יעדען מאָנאַט לעבעדיגער און אינטערעסאַנטער. פון דיא ערשטע 3 מאָנאַטען יאַנואַר, פעברואַר, מערץ פעהלט אונז אויס קאָפּיעס אַבוואָהל מיר האָבען אין מערץ נומער שוין געדרוקט מיט 1000 קאָפּיעס מעהר, דאַרפען מיר איצט ווידער דרוקען מיט נאָך 1000 מעהר און מיר האָפען אַז יעדען מאָנאַט וועלען מיר האָבען אייך מיטצוטהיילען גוטע, פריילִיכע בשורות. און וואָס האָט עס אייגענטליך געבראַכט דעם גרויסען סוקסעס פיר דיא צוקונפט? וועמען האָבען מיר צו בעדאַנקען פיר דיעזען סוקסעס? דאָס האָבען מיר קיינע זייטיגע פּערזאָנען, קיינע סקימס, קיינע טריקס צו פערדאַנקען, זאָנדערען אונזערע אייגענע פאָרטגעשריטענע אידיישע אָרגאַניזאַציאָנען, דורך וועלכע דיא צוקונפט האָט געקראָגען אַזאַ גרויסע צירקולאַציאָן, וואָס קיין אידישער זשורנאַל האָט עס נאָך ניט זוכה געווען צו האָבען.

און דאַרום דריקען מיר אויס אונזער אינערליכען דאַנק עפענטליך פיר דיא גאַנצע וועלט, צו אלע אידישע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציאָנען וועלכע העלפען צו פערשפּרייטען ליכט און אויפקלערונג צווישען דער אידישער מאַסע דורך דיא צוקונפט.

צו ערשט קומט אונזער דאַנק צו דיא בראַנטשעס פון דעם אונשטערבליכען פּראָגרעסיווען אָרדען „אַרבייטער רינג“, דיעזע האָבען זיך אָבגערופען דיא ערשטע און האָבען אָנגענומען בעשליסע: דאָס יעדע בראַנטש זאָל נעהמען קאָפּיעס צוקונפט יעדען מאָנאַט נאָך דעם צאָהל פון זייערע מיטגליעדער. נאָך דעם קומט דער זעלבער דאַנק צו דיא פּראָגרעסיווע אונאָבהענגיגע פעראיינען און בראַנטשעס פון בונד וואָס האָבען בעשלאָסען און טהוען דאָס זעלבע.

מיט דעם גרעסטען פערגעניגען און הערצלי־

כען דאנק פערעפענטליכען מיר דיא נאמען פון דיא ארגאניזאציאנען וועלכע נעהמען קאפיעס נאך דעם צאהל פון זייערע מיטגליעדער.

ארבייטער רינג:

ברענטש 1 נויארק, ברענטש 2 נויארק, ברענטש 3 ברוקלין, ברענטש 6 ברוקלין, ברענטש 7 וו. האבאקען, ברענטש 9 באלטימארע, ברענטש 11 ברוקלין, ברענטש 12 פילאדעלפיא, ברענטש 13 פעטערסאן נ. דזש., ברענטש 16 סאמיט נ. דזש., ברענטש 17 ניו הייווען, ברענטש 19 סיראקיוז נ. י., ברענטש 20 נויארק, ברענטש 21 ניובורג נ. י., ברענטש 22 ניו בריטאן קאנ., ברענטש 24 נויארק, ברענטש 26 וואטערבורי, ברענטש 27 ראטשעסטער נ. י., ברענטש 28 נויארק, ברענטש 30 פעטערסאן נ. דזש., ברענטש 31 לארענס מאס., ברענטש 32 שיקאגא, ברענטש 34 ספרינגפיעלד, ברענטש 37 נויארק, ברענטש 38 נויארק, ברענטש 40 נויארק, ברענטש 41 אנסאניע, ברענטש 43 נויארק, ברענטש 44 נויארק, ברענטש 46 לינן מאסס., ברענטש 47 עליזאבעט נ. דזש., ברענטש 52 נויארק, ברענטש 55 נויארק.

ב ו נ ד:

בונד נוארק, בונד באלטימארע, בונד פעטערסאן, פראג. ווארקינגמען נויארק, וואויס אף לייבאר נויארק, אינט. ארב. קר. אונט. פעראיין נויארק, יונג מענס עדיק. קלאב נויארק, אפאראטען קלאב נויארק, ווילקאמירער פראג. נויארק, באריסאווער רעוו. נויארק, סעלף קולטשור קלאב נויארק, בריסקער רעוו. נויארק, איוויער פראג. נויארק, קאוונער רעוו. נויארק, פראג. סלוצקער י. מ. נויארק, דאלהינאווער פראג. י. מ. נויארק, פינסקער רעוו. נויארק, דווינסקער רעוו. נוייארק, סאצ. פראפ. קלוב באלטימארע, בעקערס יוניאן נוארק, פראג. לייברערי ברוקלין, יונייטעד ניטטערס ברוקלין.

מיר האפען און ערווארטען ביי דעם נעכסטען נומער צו פערעפענטליכען פיעל מעהר פראגרעסיווע ארגאניזאציאנען, וואס וועלען אננעהמען דיעזע בעשליעסע. מיט א דאנק אין פאראויס בעגריסען מיר אייך פריינדליך,

דיא צוקונפט פרעס פעדעריישען.

——:——

## פערשיעדענע בעקאנטמאכונג פון דעם מענעדזשמענט.

1) דיא אפיס פון דיא צוקונפט האט געמופט פון 50 סאפפאלק סט., אין 26 קאנאל סט. קאר. ראטגערס סטריט.

2) מאי נומער צוקונפט וועט זיין א ספעשעל נומער מיט 16 פיידזשעס מעהר, מיט אינטערעסאנטע און בעלערענדע ארטיקלען פון דיא גרעסטע שרייבער אין אמעריקא און אייראפא, אין דיזען נומער וועט אויך זיין א ספעציעלער ארטיקעל, „דיא געשיכטע און ענטוויקלונג פון דעם ארבייטער רינג.“

3) דיא צוקונפט וויל פערעפענטליכען א קאלענדער פון אלע פראגרעסיווע ארגאניזאציאנען וואו און ווען זיי מיטען און דיא אדרעסע פון זייערע סעקרעטערע, אלע סעקרעטערע זיינען העפליך געבעטען: אריינצושיקען דיא אינסטרוקציאנען אין אפיס פון דיא צוקונפט 26 קאנאל סטריט.

4) דער רייזענדער אגענט פיר דיא צוקונפט גענ. סטאן איז ווידער ארויסגעפאהרען צו זאמלען סובסקרייבער און פערקויפען שערס, דיא גענ. פון איבעראל זיינען געבעטען צו העלפען און צו שטיצען אונזער רייזענדען אגענט גענ. סטאן.

5) א סובסקרייבער וואס ערהאלט ניט דיא צוקונפט אין דער צייט, זאל צושיקען אין אפיס א פאסטעל קארד געשריעבען אין ענגליש, און דער אפיס שיקט עס אריין אין דזשענעראל פאסט אפיס צו אונטערזוכען.

6) מאני ארדערס זאל אויסגעשטעלט ווערען נור אויף דעם נאמען J. Netter אדער Zukunft אום צו פערמיידען פיעל טראבעל.

7) דיא סעטס גוט און פיין געבונדען פון 1902 און 1903 איז שוין צו בעקומען אין אפיס פון צוקונפט פרייז $1,50 פער באנד, דער וואס ברייננגט זיינע אלטע קאפיעס דארף צו צאהלען נור 50 סענט פיר א באנד, עס איז א ציהרונג אין הויז.

8) אין קורצען וועלען אונזערע סובסקרייבער ערהאלטען זייערע פרעמיומס און מיר בעטען אונזערע ווערטהע סובסקרייבער זיי זאלען אונז ניט דרינגען מיט פאסטעל קארדס און לעטערס וועגען דיא פרעמיומס, יעדער וועט זיינס ערהאלטען.

9) אלע מעמבערס און שער האלדערס פון צוקונפט פרעס פעדעריישען זיינען העפליך געבעטען אריין צו שיקען זייערע אדרעסען אין אפיס פון דיא צוקונפט 26 קאנאל סטריט, קאר. ראטגערס סטריט.

מיט פריינדליכען גרוס,

מענעדזשמענט צוקונפט.



נ. ק. מיכאילאָווסקי,

# נ. ק. מיכאַילאָווסקי

גרויס איז דער פערלוסט פון דער רוסישער ליטעראטור און אינ־טעליגענץ דורך דעם טוידט פון ניקאָלאַי קאָנסטאַנטינאָוויטש מיכאַילאָווסקי. פארלויפיג איז נאָך ניטאָ אַזעלכער וואס זאָל קענען פערנעהמען זיין קאָמאַנ־דירענדען פלאַץ אין דיא פאָר־דערסטע רייהען פון דיא קעמפפערס פאר אויפ־קלערונג אין רוסלאנד. ער איז געווען ניט נאר א גלענצענדער פובליציסט, א גייסטרייכער קרי־טיקער און טיעפער דענקער, זאָנדערען אויך א פערעהרטער לעהרער פון דער געבילדעטער יו־גענד אין רוסלאנד, א צענטער פון דעם גייסטיגען קאמפף געגען דיא צארען־הערשאפט, געגען דיא טיראַנישע רעגיערונג, פון א קאמפף וואס ווערט שטענדיג געפיהרט פון דיא בעסטע קרעפטע אין דער רוסישער ליטעראטור און וואס זיינע גרעס־טע און וויכטיגסטע אנפיהרער זיינען געווען אזעלכע גייסטיגע ריעזען און הייליגע מענער וויא דאָבראָליובאָוו און טשערנישעווסקי.

אין דיא לעצטע דרייסיג יאהר האט, קען מען זאָגען, קיין רוסישער שרייבער, אפילו ניט לעוו טאָלסטאָי, געהאט אזא טיעפען און בעדייטענדען איינפלוס אויף דעם יונגען דור אין רוסלאנד, וויא מיכאַילאָווסקי. דיא רוסישע יוגענד האט זיך ערצויגען אויף זיינע סאָציאָלאָגישע און קריטישע שריפטען, אין וועלכע ער האט בעזאָנ־דערס געזוכט צו ערוועקען ניט נאר דעם פרייען גייסט, זאָנדערן אויך דעם מוטה צו קעמפ־פען געגען אונרעכט, געגען פינסטערניס, גע־גען טיראַניי. יעדער זשורנאל, אין וועלכען עס איז איהם אויסגעקומען צו שרייבען, איז געווען זיין שלאַכטפעלד געגען דעם ווילדען שונא — דיא רוסישע רעגיערונג, און זיינע לעזער, בעזאָנדערס דער יונגער דור, זיינען געווען זיינע שילער און אויך סאָלדאטען אין דיזען קאמפף.

דיא ראָלע פון ליטעראטור איז אין רוסלאנד א פיעל גרעסערע און וויכטיגערע, וויא אין איר־גענד וועלכען אנדערען לאנד. דיא ליטעראטור איז דאָרט ניט בלויז דער געשריעבענער אָרגאַן פון אונזער גייסטיגער ענטוויקלונג, זאָנדערן אויך דער שטארקסטער פאָליטישער קאמפף־אָרגאַן.

אין א קאָנסטיטוציאָנעלען לאנד האבען דיא בירגער, אויסער צייטונגען, זשורנאלען און בי־כער, אויך פערזאמלונגען, דעמאָנסטראציאָנען, פאָליטישע פעראיינען און קלובען; זיי דריקען אויס זייערע מיינונגען מינדליך, זיי פיהרען זייער פאָליטישען קאמפף אויף אַלע וועגען, וואו נאר עס איז מעגליך צו געפינען אנהענגער, צו לאַזען הערען זייערע שטימען און צו געבען צו פיהלען זייער איינפלוס. אין רוסלאנד אבער איז דאס אַלעס שטרענג פערבאָטען, דער מינדעסטער צייכען פון א פאָליטישע פערזאמלונג ווערט גרוי־זאם אונטערדריקט, און דאס געשריעבענע וואָרט זוכט דארום צו פערנעהמען דעם פאָליטישען פעלד, וויא ווייט דאס לאַזט זיך, וויא ווייט דאס איז נאר מעגליך אונטער דער קנוטע פון דער צארען־רעגיערונג. יעדער ערנסטער זשורנאל ווערט אויף דיזער וויזע א פ א ל י ט י־ש ע ר ק ל ו ב, א צענטראַל־פונקט פאר אַלע אונצופריעדענע מיט דער עקסיסטירענדער סאָ־ציאַל־פאָליטישער אָרדנונג. דיא שרייבערס ווע־רען פאָליטישע קעמפפערס מיט זייערע פעדערס. זיי זוכען ניט נאר צו שרייבען גוט און שעהן, צו זיין עהרליכע ליטעראטען, צו געבען קונסט־ווערק, זאָנדערן אויך צו לאַזען פיהלען, מייסטענס צ ו ו י ש ע ן ד י א ש ו ר ו ת, זייער אייגע־נע אונצופריעדענהייט מיט דער טיראַנישער רע־גיערונג און ארויסצורופען אזא אונצופריעדענ־הייט ביי זייערע לעזער, צו ערוועקען אין זיי א שטרעבונג צו ענדערען דיא בעשטעהענדע רעגיע־רונגס־פאָרם, צו רעפאָרמירען דיא געזעלשאפט, צו פערבעסערען דיא לאגע פון פאָלק. דיא לעזער, פון זייער זייט, זוכען אין דיא זשורנאלען ניט בלויז גוטע ליטעראטור, פיין־שרייבעריי, קונסט בעלעהרונג, זאָנדערן אויך אנווייזונגען, וויא צו פיהרען זיך, וויא צו בעקעמפפען דעם אַלגעמיי־נעם שונא, וויא אבצושוואכען דיא מאכט פון דער טיראַנישער רעגיערונג, וויא צו האנדלען אין דער צוקונפט און צו פערבעסערען דיא לאגע פון רוסישען פאָלק. קורץ, דיא גוטע און עהרליכע ליטעראטען ווערען אין רוסלאנד דיא גייסטיגע פיהרער פון א פאָליטישע פארטיי, און דיא לע־

זער ווערען זייערע פערעהרער און סאָלדאַטען.

פאַר דיא יעניגע, וואס זיינען ניט בעקאַנט מיט דער מערקווירדיגער פּאָליטישער זייט פון דער רוסישער ליטעראַטור, וועלען מיר דאָ ברענגען א ביישפּיעל. לאָמיר זאָגען, אז מיר ווילען איינפיהרען, וואס מען רופט, מוניציפּאַל־סאָציאַליזמוס, דאס הייסט, אז גאַז־בעלייכטונג, עלעקטרישע בעלייכטונג, וואַסער־לייטונג, קאַרס, אייזפאַבריקען א. ז. וו. זאָלען געהערען צום קהל און פערוואַלטעט ווערען פון דיא שטעדט זעלבסט. וואס וועלען מיר טהאָן, אום צו דערגרייכען אונזער צוועק?

אין אַמעריקא וועלען מיר צוערשט גרינדען א פערבאַנד, א „מיוניסיפּאַל סאָשעליזם ליעג“ און אנפאַנגען א פּראָפּאַגאַנדא מינדליך און שריפטליך. וואס מעהר אנהענגער מיר וועלען צוקריגען, אַלץ מעהר אבטהיילונגען פון אונזער פערבאַנד, אַלץ מעהר קלובען וועלען מיר גרינדען. דיעזע קלובען וועלען זיין דיא צענטערס פון אונזער פּאָליטישער טהעטיגקייט. דיא מיטגליעדער פון דיעזע קלובען וועלען צוזאַמענרופען מיטינגען, וועלען ארויסשיקען רעדנער און אַגיטאַטאָרס איבערן לאַנד, וועלען דרוקען און פערשפּרייטען צירקולאַרען און פלוג־שריפטען, אין וועלכע עס וועט ערקלערט ווערען דאס זעלבע, וואס דיא רעדנערס וועלען אויסדריקען אויף עפענטליכע פערזאַמלונגען. איינער פון אונזערע פּראָפּאַגאַנדע־מיטעל וועט אויך זיין א ספּעציעלער זשורנאַל פיר דיעזע גרויסע פראַגע. וואס פאַר גוטע ליטעראַטען עס זאָלען ניט מיטאַרבייטען, וואס פאַר אן איינפלוס זיי זאָלען ניט האבען אַלס שריפטשטעלער און מענשען, וועלען זיי דאָך ניט שפּיעלען דיא הויפּט־ראָלע בלויז מיט זייערע פעדערס אין דיעזער בעוועגונג. דיא רעדנערס, דיא מינדליכע אַגיטאַטאָרס וועלען געוועהנליך פערנעהמען דעם ערכטען פּלאַץ, יעדענפאַלס ניט קיין קלענערען פּלאַץ וויא דיא שרייבערס. דער זשורנאַל וועט ניט האבען דיא הויפּט־בעדייטונג, ער וועט שטענדיג בלייבען בלויז א י י נ ע ר פון דיא קאַמפּף־מיטעל.

אין רוסלאַנד אבער זיינען אונזערע הענד און פיס געבונדען. פון גרינדען אירגענד וועלכען פּאָליטישען פערבאַנד איז שוין אָבגערעדט — דאָס איז שטרענג פערבאָטען. אַלזאָ קיינע קלובס קיינע רעדנערס, קיינע אַגיטאַטאָרס, קיין מינדליכע פּראָפּאַגאַנדע. בלייבט נאר איין אויסוועג — צו גרינדען א זשורנאַל. אבער אפילו דאס קענען מיר ניט טהאָן דירעקט און אָפען. עס קומט אָן מיט גרינע ווערים איידער מען קריעגט ארויס ביי דער רוסישער רעגיערונג אן ערלויבניס ארויסצוגעבען אירגענד וועלכע צייט־שריפט. מען וועט אַלזאָ מוזען בעהאַלטען דעם ריכטיגען צוועק און אנגעבען צום שיין אן אַלגעמיינע גאַנץ־אונשולדיגע פּראָגראַם. ווען מיר וועלען בעקומען דיא ערלויבניס פון דער רעגיערונג, וועלען מיר אויך ניט קענען דירעקט אַגיטירען פאַר דעם מוניציפּאַלען סאָציאַליזמוס, אָבוואָהל דיא רוסישע רעגיערונג זעלבסט פּראַקטיצירט עס פיעל מעהר וויא דיא אַמעריקאַנער רעגיערונג (וויא בעוואוסט, האט דיא רוסישע רעגיערונג מאָנאָפּאָליזירט דיא אייזענבאַהנען, פיעלע מינען, דיא שנאַפּס־אינדוסטריע א. ז. וו.) אונזער זשורנאַל וועט דאַן זיין אן אַלגעמיינער ליטעראַרישער און אויפקלערענדער אָרגאַן. מיר וועלען דאָרטען דרוקען פערשיעדענע אַרטיקלען, מיר וועלען געבען ערצעהלונגען, פּאָעזיע, קריטיק, פילאָזאָפיע, בעלעהרענדעס, איבערזיכטען איבער אַללע וויכטיגע ערשיינונגען אין דער וועלט. אום צו פערפאָלגען אונזער ספּעציעלען צוועק, וועלען מיר אנפאַנגען צו שרייבען טהעאָרעטישע אַרטיקלען איבער דער פראַגע פון מוניציפּאַלען סאָציאַליזמוס און איבער דעם, וואס עס איז שוין אויפגעטהאָן געוואָרען און וואָס מען קען נאָך אויפטהאָן אין דיעזער בעציהונג אין אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער שטעדט. מיר וועלען אפילו ניט קענען אָפען זאָגען, אַז אַזוי און אַזוי דאַרף מען זיך פיהרען אין רוסישע שטעדט, אַז דאס און דאס דאַרף מען דורכפיהרען; אבער אונזערע אַרטיקלען וועלען מיר אזוי שרייבען, אַז דיא לעזער זאָלען זיך אליין אנשטויסען וואס מיר ווילען און פערלאַנגען, זאָלען קענען אויסגעפינען צ ו י ש ע ן ד י א ש ו ר ו ת וואס מען דאַרף טהאָן. דיא שרייבערס פון דיזען זשורנאַל וועלען אויף אַזאַ אַרט פערנעהמען דעם ערשטען און העכסטען פּלאַץ אין דער בעוועגונג, וועלען זיין דיא קאָמאַנדירענדע גענעראַלען פון זייערע אנהענגער. וואס געשייטער זיי וועלען פיהרען זייער שטילע שריפטליכע פּראָפּאַגאַנדע, וואס מעהר זיי וועלען ארויסזאָגען טראָץ דיא צענזור, וואס מוטהיגער און אָפּפערוויליגער זיי וועלען זיך ארויסציינגען אין זייער קאַמפּף מיט דער פעדער, אַלץ מעהר איינפלוס וועלען זיי האבען, אַלץ מעהר וועלען זיי זיין געאַכטעט און בעליעבט.

דיזע ספּעציעלע ראָלע פון דער ליטעראַטור אין רוסלאַנד מוז מען צוערשט נעהמען אין אנבעטראַכט, ווען מען וויל ריכטיג פערשטעהען

וואס פאר א גרויסע בעדייטונג מיכאילאָווסקי האט געהאט אלס פּראָגרעסיווער שרייבער און מענש. מעהר וויא 30 יאהר איז ער פעסט און מוטהיג געשטאַנען אויף זיין פּאָסט אלס גייס־טיגער פּאַרקעמפּפער. ניט איין מאָל האט מען איהם געסטראַשעט מיט געפענגנים, ניט איין מאָל איז ער פערצייכענט געווען אויף דער „שוואַרצער ליסטע“ פון דער רוסישער רעגירונג, ניט איין מאָל האט מען זיך געקליבען איהם משלח צו זיין אין „ווייטע מקומות“, אין סיביר, אבער ער האט אַפּפערווייליג פּאַרטגעזעצט זיין פרוכטבאַרע גייסטיגע ארבייט, זיין אויפקלע־רענדע ליטעראַרישע טהעטיגקייט. זיין פעדער האט געקלאַפּט וויא מיט האַמערס און געוועקט דעם עולם, אויפגעמונטערט דיא ניעדערגעשלאַגענע און שוואכע, געלערנט דיא יונגע און געטריעבען דיא אונצופריעדענע צום קאַמפּף פיר פרייהייט.

צו אכטצעהן יאהר איז מיכאילאָווסקי־שוין ארויסגעטראָטען אלס פובליציסט און קריטיקער. ער איז געבאָרען געוואָרען אין מעשטשאָווקא, קאַלוגער גובערניע, אין 1842. זיינע עלטערן זיי־נען געווען דוואָריאַנעס (אַדעליגע), אבער זעהר ארימע. זיין ערשטע ערציעהונג איז געווען א גאַנץ געוועהנליכע. נאכהער האט ער שטודירט אין א בערג־שולע, אום צו קענען ווערען א מי־נען אינזשעניער; אָבער איהם האָט געצויגען צו דער פּעדער, ער האט געטרוימט צו ווערען א שרייבער. דארום האט ער פערלאָזען דיא שולע און זיך אבגעגעבען צו ליטעראַטור. ארום 1860 איז ער צום ערשטען מאָל ארויסגעטראָטען אלס מיטאַרבייטער פון דער צייטונג „ראַזסוויעט“. ער האט זיך גלייך גענומען צו דער אַבטהיילונג אין וועלכער ער האט זיך בעזאָנדערס אויסגעציי־כענט, נעמליך: צו דער קריטישער. זיין אַנפאַנג אלס זשורנאַליסט, וויא ער האט געלעבט און צו וואס ער האט געשטרעבט, בעשרייבט ער אליין אין זיין בוך „ליטעראַטור און לעבען“.

ער האט זעהר פיעל געלעזען. אלס קריטיקער האט ער בעדאַרפט זיין בעקאַנט מיט דיא נייעס־טע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור. ספּעציעל האבען איהם אינטערעסירט וויסענשאַפטליך־פּי־לאָזאָפישע און סאָציאַלאָגישע ווערק. אין 1867 האט ער איבערזעצט פּרודאָן'ס בוך „דיא פּראַנ־צויזישע דעמאָקראַטיע“. ער האט אנגעשריעבען א סך אַרטיקלען אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָ־מען „זאַפּיסקי פּראָפּאַנאַ“ (טאָגע־בוך פון אַן אונוויסענדען), אָבער ער האט ארויסגעצייגט פיעל מעהר קענטניסע, וויא מאַנכער געלערנטער.

דיזען נאָמען האט ער זיך געגעבען אַלס א פּראָ־טעסט געגען דיא אָפיציעלע פּראָפעסאָרען, געגען דיא אנגעבלאָזענע געלעהרטע, וועלכע פערטי־פען זיך אין זייערע ספּעציעלע וויסענשאַפטען און קימערען זיך גאָר ווענינ, וואס עס טהוט זיך ארום זיי אין ווירקליכען לעבען, וויא דיא געזעלשאַפטליכע אָרדנונג דארף רעפאָרמירט ווער־רען. ער האט שארף און ביטער זיך אויסגעלאַכט פון אַזעלכע געלעהרטע און האט געפאָדערט פון זיי און פון אַלעמען צו זיין מענשען מיט ליעבע צו זייערע מיטמענשען, צו האבען אידעאַלען און צו לעבען און מוטהיג צו קעמפּפען פאר זיי, צו זוכען זיי צו פערווירקליכען.

אין 1869 איז ער געוואָרען איינער פון דיא שטענדיגע און וויכטיגסטע מיטאַרבייטער אין דעם בעוואוסטען מאָנאַטליכען זשורנאַל „אָטע־טשעסטוועניא זאַפּיסקי“, וועלכער איז דאַן גע־ווען אונטער דער רעדאַקציאָן פון דעם בעריהמ־טען פּאָעט נעקראַסאָוו. נאָך נעקראַסאָוו'ס טויט אין 1877 איז מיכאילאָווסקי געוואָרען איינער פון דיא דריי רעדאַקטאָרען פון דיזען זשורנאַל, וועלכער האט דאַן פערנומען דעם גרעסטען און העכסטען פּלאַץ אין דער רוסישער ליטעראַרישער וועלט. ער האט רעדאַקטירט דיא סאָציאָלאָגישע און קריטישע אבטהיילונגען און צוזאַמען מיט דעם גרויסען סאַטיריקער שטשעדרין (סאַלטי־קאָוו) האט ער געגעבען דעם טאָן דער רוסישער אינטעליגענץ און פערשאַפט ניט ווענינ ערגער־ניס דער רוסישער רעגירונג און איהרע פּער־טהיידיגער אונטער דער לייטונג פון דעם ניהי־ליסטען־פּרעסער קאַטקאָוו, דעם רעדאַקטאָר פון „מאָסקאָווסקיא וויעדאָמאָסטי“.

זיינע בעסטע אַרטיקלען זיינען ערשיענען אין דיזען זשורנאַל פון 1864 ביז 1885, ווען דיא רעגירונג האט ענדליך אין גאַנצען אונטערדריקט דיזען נאָכפאָלגער פון טשערנישעווסקי'ס זשור־נאַל „סאָווּרעמעניק“. דיא וויכטיגסטע פון דיזע אַרטיקלען זיינען „וואס הייסט פּראָגרעס“, „דאַר־ווין'ס טהעאָריע און דיא געזעלשאַפטליכע ווי־סענשאַפט“, „אָרגאַן, דאס אונצוטהיילבארע און דאס גאַנצע“, „העלדען און דיא מענגע“, „דער קאַמפּף פיר אינדיווידואַליטעט“, „וואָלטער אַלס מענש און דענקער“, „וואס הייסט גליק“, און דיא קריטישע אבטהיילונגען איבער לעוו טאָל־סטאָי און דאָסטאָיעווסקי.

אין דיזע אַרטיקלען האט ער ניט נאָר אַי־בערגעגעבען דיא לעהרען פון אָגוסט קאָנט (גרינ־דער פון דער פּאָזיטיוויסטישער פילאָזאָפיע),

דאַרווין, ספּענסער און קאַרל מאַרקס, זאָנדערן האָט זיי אויך קריטיקירט און בעלויכטען מיט זיין אייגענע פילאָזאָפישע אַנשויאונג, וועלכע איז געווען אין איינקלאַנג מיט דיא שטרעבונגען פון דער רוסישער אינטעליגענץ און מיט דיא בעסטע טראַדיציאָנען פון דער רוסישער ליטעראַטור. מיט זיין גלענצענדער פעדער האָט ער וויט און טיעף פערשפּרייט דיא עוואָלוציאָנס־טהעאָריע און בעקאַנט געמאַכט דאָס לעזע־פּובּליקום מיט דיא ווערק פון דיא גרעסטע און טיעפסטע דענקער פון 19טען יאהרהונדערט. ער האָט פּאָפּולאַריזירט דיא ווערק פון אָגיוסט קאָנט, דאַרווין און ספּענסער. פון אייניגע פון דיזע ווערק וואָלט דאָס פּובּליקום גאָר ניט געוואוסט, ווייל זיי זיינען נאָך דאַן גאָר ניט איבערגעזעצט געווען אין רוסיש.

שוין דערמיט אַליין וואָלט ער זעהר פיעל אויפגעטהאָן פאַר דיא אויפקלערונג פון דעם יונגען דור און פערנומען א הויכען פּלאַץ אין דער רוסישער ליטעראַטור. אבער ער האָט דערביי ארויסגעוויזען זעלבּסטשטענדיגקייט און האָט געזוכט צו ערקלערען זיין אייגענע פילאָזאָפיע, וועלכע האָט געקראָגען א סך אַנהענגער. ער איז געוואָרען דער גרינדער פון א בעזונדערע סאָציאָלאָגיש־פילאָזאָפישע לעהרע, וועלכע ווערט בעצייכענט מיט דיא ווערטער „רוסישער פּאָזיטיוויזמוס“ אדער „סובּיעקטיווער מעטהאָד“. מיר קענען זיך דאָ ניט אריינלאָזען אין איינצעלהייטען וועגען דיזע לעהרע (דאָס וועט איבערגעגעבען ווערען אין א בעזונדערען אַרטיקעל אין דיא נעכסטע נומערן „צוקונפט“); נאָר אין קורצען ווילען מיר בעמערקען, אז אונטער דיא ווערטער „סובּיעקטיווער מעטהאָד“, וואָס מיכאַילאָווסקי האָט בזאָנדערס ערקלערט אין זיין אַרטיקעל „וואָס הייסט פּראָגרעס“, דאַרף מען פערשטעהען איינפאַך דיא שטרעבונג צו אַן אידעאַל אין לעבען און צו א האַנדלונג נאָך דעם אידעאַל. ער האָט געפאָדערט א געזעלשאַפטליכע טהעטיגקייט פון יעדער איינצעלנער פּערזאָן צו העלפען דרעהען דיא ראָד פון פּראָגרעס. אַנערקענענדיג פאַר ריכטיג דיא עוואָלוציאָנס־טהעאָריע, איז ער אין דערזעלבּער צייט ארויסגעטראָטען געגען דיא יעניגע, וואָס דענקען, אז דיא צייט וועט מיט זיך זעלבּסט ברענגען א פערבעסערונג אין מענשליכען לעבען, אז דער פּראָגרעס וועט פון זיך אַליין קומען. ער האָט גאַנץ ריכטיג ערקלערט, אז יעדער איז מאָראַליש פערפּליכטעט צו ק ע מ פ פ ע ן פאַר דעם פּראָגרעס, פאַר א בעסערע צוקונפט.

קורץ, ער האָט געוואָלט, אז מענשען זאָלען ניט נאָר זיין גייסטיג הויך ענטוויקעלט, זאָנדערן זאָלען אויך שטרעבען צו פ ע ר ו ו י ר ק ל י כ ע ן אין לעבען זייערע געדאַנקען, זייערע אידעאַלען. עס איז ניט גענוג, האָט ער געלערנט, אז א מענש זאָל גוט און ריכטיג דענקען, ער מוז נאָך עפּעס טהאָן, אפילו אָפּפער ברענגען פיר דעם וואָהל און בעסטען פון דער מענשהייט.

זיין אייגענע פילאָזאָפיע איז דורכגעדרונגען מיט אַלטרואיזמוס (ליעבע צום צווייטען) און האָט געהאַט א פּרוכטבּאַרע מאָראַלישע ווירקונג אויף דיא רוסישע אינטעליגענץ, אויף דעם יונגען דור, אויף דיא זאָגענאַנטע ניהיליסטען. עס וועט ניט זיין איבערטריבען צו זאָגען, אז מיט זיינע אַלטרואיסטישע סאָציאָלאָגישע בעטראַכטונגען האָט ער ערוועקט אין דיא רוסישע רעוואָלוציאָנערען דיא הויכע אידעאַלען, דיא עדעלמוטהיגע זעלבּסטאויפאָפּפערונגען אין זייער קאַמפּף געגען דיא טיראַנישע רעגיערונג, וועלכע האָבען ערשטוינט דיא גאַנצע וועלט. אין דיא הערצער פון דיא רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען געליטען א מערטירער־טוידט, האָט געשלאָגען דער אַלטרואיזמוס, וואָס דאָבּראָליובּאָוו, טשערנישעווסקי און מיכאַילאָווסקי האָבען אין זיי איינגעפּלאַנצט.

דארום איז מיכאַילאָווסקי אויך ארויסגעטראָטען געגען הערבערט ספּענסער'ס לעהרע איבער דעם געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזמוס. ער האָט געצייגט, אז מען קען ניט פערגלייכען א געזעלשאַפט מיט אן איינצעלנעם אָרגאַניזמוס און אז פעלקער מאַכען ניט דורך דיא פּעריאָדען פון יוגענד און אַלטער, ווי איינצעלנע מענשען. דיזע לעהרע פון ספּענסער איז געגען פּראָגרעס, ווייל וויא באַלד געזעלשאַפטען מוזען סיי וויא סיי אַלט ווערען און אבשטאַרבען, טאָ צו וואָס נאָך קעמפּפען? מיכאַילאָווסקי האָט איהר זעהר שאַרף און לאָגיש בעקעמפּפט, אום צו בעוועגען זיינע לעזער, דיא אינטעליגענץ, צו א קאַמפּף פיר א בעסערע צוקונפט, פיר פּראָגרעסיווע אידעאַלען. דערביי האָט ער ארויסגעוויזען, אז ער אַליין איז ניט נאָר א דענקער, זאָנדערן אויך א קעמפּפער, אז ער זעלבּסט טהוט וואָס ער רעדט, קעמפּפט פאַר זיינע אידעאַלען. זיינע צורופען האָבען דארום געהאַט א טיעפע ווירקונג אויף דעם יונגען דור, וועלכער האָט געשלונגען זיינע ווערטער. זיי זיינען געקומען פון זיין האַרצען און האָבען געפונען א סימפּאַטישען אָבּקלאַנג אין דער רוסישער אינטעליגענץ.

די בעציהונגען פון דעם יחיד צום כלל, די ראָלע פון איינצעלנע פערזאָנען אין דער געזעלשאַפט האט מיכאַילאָווסקי זעהר גרינדליך נאכגעפאָרשט אין עטליכע ארטיקלען, בעזאָנדערס אין „העלדען און די מענגע“. זיינע אויספיהרונגען זיינען וויעדער געווען, אז דער יחיד דאַרף קעמפפען פאר די אינטערעסען פון כלל, וויעדער פאר דעם אַלטרואיזמוס. דעם זעלבען גרונד־געדאַנקען האט ער אויך אויסגעדריקט אין זיינע קריטישע ארטיקלען איבער ליטעראַטור. פון דעם שטאַנדפונקט האט ער, צום ביישפיעל, פאָרטרעפליך קריטיקירט טאָלסטאָי'ס אַנטי־סאָציאַלע לעהרע וועגען אונטערגעבען זיך, וועגען צאָהלען מיט גוטעס פאר שלעכטעס. ער האט גאַנץ גוט געזעהען, אז אזא לעהרע קען נאר פיהרען צום נצחון פון דער רעאַקציאָן, פון דאס שלעכטע, און ער האט מוטהיג געפאָדערט א קאַמפּף פיר דאָס גוטע, די פערניכטונג פון דאָס שלעכטע. אונטער דער קנוטע פון דער רוסישער רעגירונג האט ער נאַטירליך ניט געקענט אָפען זאָגען, אז זיא שטעלט פאָר דאס שלעכטע און אז מען דאַרף איהר פערניכטען, נאר פון זיינע שריפטען איז דאס לייכט געווען צו שליסען.

אין דער לעצטער צייט איז ער ארויסגעטראָטען געגען די אַנהענגער פון קאַרל מאַרקס, וועלכע זיינען ווירקליך צו וויים פערקראָכען מיט זייער „עקאָנאָמישען מאַטעריאַליזמוס“. זיין פּאָלעמיק מיט די שטרענגע מאַרקסיסטען איז זעהר וויכטיג און בעלעהרענד. מיר וועלען דאַרום געבען מיט דער צייט א ספּעציעלען אַרטיקעל איבער דעם אין דער „צוקונפט“.

אַלס קריטיקער איבער די שעהנע ליטעראַטור, בעלעטריסטיק און פּאָעזיע פּערדיענט ער אויך א הויכען פּלאַץ. בעזאָנדערס וויכטיג איז זיין קאַמפּף געגען דעם קריטיקער פּיסארעוו אין בעצוג אויף קונסט. וויא בעוואוסט האט פּיסאַרעוו געמאַכט אש און בלאָטע פון אזא גרויסען פּאָעט, וויא פּושקין איז געווען, אויף דעם גרונד פון זיין לעהרע איבער נוצליכקייט און צוועקמעסיגקייט אין קונסט; אבער מיכאַילאָווסקי האט הייס און גאַנץ ריכטיג פערטהיידיגט פּושקין'ס פּאָעזיע און געגעבען א גאַנץ אַנדערע ריכטונג דער קונסט־קריטיק.

עס איז שווער צו זאָגען, אויב מיכאַילאָווסקי איז געווען גרעסער אַלס סאָציאָלאָג אדער ליטעראַרישער קריטיקער, נאר זיכער איז עס, אז ער איז אין אַלע זיינע שריפטען געווען א בריליאַנטענער שרייבער, גייסטרייכער פּובליציסט און אן ערעלמוטהיגער קעמפּפער פיר דעם פּראָגרעס.

פּ. קראַנץ.

---

## אונזער מאַי־נומער

דער נעכסטער נומער וועט ערשיינען אין 80 זייטען מיט פילע בעלעהרענדע און העכסט אינטערעסאַנטע אַרטיקלען לכבוד דעם אינטערנאַציאָנאַלען ארבייטער יום טוב. פּארלויפיג, קענען מיר בעקאַנט מאַכען פאָלגענדע ספּעציעלע אַרטיקלען: „הירש לעקערט“, זיין לעבען און מערטירער־טוידט אין פערבינדונג מיט דעם ערשטען מאַי אין רוסלאנד, פון א. ליעסין; „די פראַגע וועגען אַלגעמיינעם סטרייק“, פון דר. ק. פאָרנבערג; „די בעציהונג פון מאָראַל צ. סאָציאַליזמוס“, פון י. פעדער (אויס דער שווייץ); „א מלחמה פאר קוילענשטאָף“, פון דר. בלומשטיין; „די קאַראַאימער“, (אין פערבינדונג מיט דער געשיכטע פון אידישע סעקטען), פון א. ליטווין; „דער מילכיגער בית המדרש און דער בלינדער מגיד“, (ערצעהלונג אויס דעם אידישען לעבען אין ליטע), פון ל. קאָברין.

# רעאַליזמוס און ראָמאַנטיזמוס

1.

עדע קונסט קען זיין אדער רעאַליסטיש אדער ראָמאַנטיש. מיר ווילען דאָ רעדען נאר פון דער גרויסער און רייכער קונסט, וועלכע רופט זיך ליטעראַטור. דיא ליטעראַטור פון דער גאַנצער מענשהייט קען געטהיילט ווערען אויף צוויי הויפּט־אבטהיילונגען, צוויי אבער־דעפּאַרטאַמענטען, אין וועלכע עס געפינען זיך פערשיעדענע קלענערע אבטהיילונגען, פערשיעדענע ריכטונגען און שאַטירונגען. דיא הויפּט־אבטהיילונגען קענען בעצייכענט ווערען מיט'ן נאמען רעאַליזמוס און ראָמאַנטיזמוס.

ראָמאַנטיזמוס נעהמט זיך פון'ם וואָרט ראָם. דיא ערשטע ליטעראַרישע ווערקע פון קריסטליכער ערא (דיא ציוויליזירטע וועלט צעהלט יעצט דיא יאהרען פון יעזוס קריסטוס געבורטס־טאג.) זיינען געוועזן געשריעבען אין דער ראָמאַנישער (לאַטייַנישער) שפּראַכע. ראָמאַנטיש האט אבער יעצט נאָך אַן אַנדער זינן. דיא שטאָדט ראָם האָט זיך גערופען אזוי, ווייל זיא איז געוועזן געבויט אויף הויכע בערגלאַך. ראָם נעהמט זיך פון דעם זעלבען מקור, וויא דאס אידישעס וואָרט רמה (הויך, אויפגעהויבען). דיא דאָזיגע ליטעראַרישע־ווערקע, וועלכע בעהאַנדלען ניט דאס וואס איז אויף דער ערד, נאר וואס איז איבער דער ערד; ניט דאס וואס איז אין'ם מענשען'ס נאַטור, נאר דאס וואס איז העכער פון דעם מענשען'ס נאַטור, ניט דאס אליין וואס מען רעדט, נאר אויך דאס וואס מע קען זיך פאָרשטעלען— דיא דאָזיגע ווערקע געהערען צו דער ראָמאַנטישער אבטהיילונג. רעאַליזם מיינט א זאַך וואס עקסיסטירט. עס נעהמט זיך פון'ם לעטיינישען וואָרט „רע" — אַ זאַך, אַ געגענשטאַנד. אזעלכע ווערקע, וועלכע בעהאַנדלען נאר דאס, וואס איז אויף דער ערד, וואס איז אין'ם מענשען'ס נאַטור אין זיין לעבען און אין זיינע פערהעלטניסע צו דער געזעלשאַפט,—אַזעלכע ווערקע, וואס שילדערן נאר דאס, וואס מען קען זעהען, בעאָבאַכטען, איבערצייגען—דיא דאָזיגע ווערקע געהערען צו דער אבטהיילונג פון רעאַליזמוס.

מיר ווילען שפּעטער דייטליכער ערקלערען דעם אינטערשייד פון דיזע צוויי הויפּט־פאָרמען פון דער ליטעראַטור. מיר ווילען דאָ נאר בעמערקען, דאס מיר ווילען בלייבען גאַנץ אונפּאַר־



יעקב גאָרדין

טייאיש צו דיעזע ביידע אבטהיילונגען פון דעם מענשען'ס שאַפען און דיכטען. אין ביידע אבטהיילונגען זיינען דאָ גרויסע און ווערטהפאָלע מייסטערווערקע. דער ראָמאַנטיזמוס, וויא דער רעאַליזמוס, זיינען נאַטירליכע ערשיינונגען אין דעם מענשען'ס גייסטיגען לעבען. זיי ווערען געבוירען דורך געוויסע אומשטענדען און אורזאכען, וועלכע זיינען פערבונדען מיט דעם היסטאָרישען גאַנג פון דער געזעלשאַפט און מיט דער ענטוויקלונג פון אונזער סאָציאַלען לעבען. ראָמאַנטיזמוס און רעאַליזמוס שטאַמען פון איין עלטער־פאָטער, פון דעם מענשענס גייסט. זיי האָבען ביידע איין זיידען, אָבער ניט איין מאַמע. דיא מוטער פון ראָמאַנטיזם איז דיא פּאָעזיע, דיא מוטער פון רעאַליזמוס איז דיא וויסענשאַפט. דיא לייבליכע שוועסטער פון ראָמאַנטיזם זיינען רעליגיאָן און מעטאַפיזיק, דיא לייבליכע ברידער

פון רעאַליזם זיינען דער עקספּערימענטאַלער (פּרובירענדער) אַנאַליז און פיזיק.

עס איז שוין איין אַלטער כּלל, אַז דיא ענטוויקלונג פון דער גאַנצער מענשהייט געהט מיט דעם זעלבּען וועג, וויא דיא ענטוויקלונג פון יעדען איינצעלנעם מענשען. אין דעם לעבּען פון דעם איינצעלנעם מענשען גיעבּט עס צייטען, ווען ער איז אַ פערטרוימטער ראָמאַנטיקער, און צייטען ווען ער איז אַ פּראַקטישער רעאַליסט. אַזעלכע פעריאָדען גיעבּט עס אויך אין דעם לעבּען פון אַ גאַנצער געזעלשאַפט. אין דער יוגענד איז דער מענש גענייגט צו זיין אַ ראָמאַנטיקער, ער שוועבּט איבּער דיא ווירקליכע וועלט מיט ערפינדונגען פון זיין פאַנטאַזיע. רעאַלע געגענשטענדען ווערען דורך זיין פּאָעטישע איינבּילדונגס־קראַפט פערוואַנדעלט אין שעהנע געשטאַלטען און בּילדער. ווען ער ווערט איין ענטוויקעלטער שטאַרקער מענש, איז ער גענייגט צו דענקען פון דער ווירקליכער וועלט, צו שאַפען פּראַקטישע זאַכען און צו בּעטראַכטען די ערשיינונגען פון'ם לעבּען נאָך זייער רעאַלער, ווירקליכער בּעדייטונג. ווען ער קומט אין דיא עלטערע יאָהרען, הויבּט ער אָן אַם מיינסטען ווידער צו קריגען אַ נייגונג צום ראָמאַנטיזם. דיא פאַקטען, דיא ווירקליכקייט, דיא מאַטריעלע אינטערעסען הערען אויף איהם צו בּעפריעדיגען. ער בּיינקט נאָך דער פערגאַנגענהייט, וועלכע ווייזט זיך איהם אויס וואונדערליך שעהן אין איהר פּאָעטישען נעבּעל.

מיט דעם זעלבּען וועג געהט אויך דיא ענטוויקלונג פון גאַנצע נאַציאָנען.

2.

פריהער פון אַלעם פאַנגען אָן פעלקער צו פּאָעטיזירען און פילאָזאָפירען. שרייבּען אין איין איינפאַכע שפּראַכע פון רעאַליסטישע זאַכען, טהוען זיי דאַן, ווען זיי שטעהען שוין אויף אַ געוויסער שטופע פון גייסטיגען און עקאָנאָמישען לעבּען. דעם מענש אינטערעסירט פריהער דיא אורזאַכע פון אַן ערשיינונג, און גאַנץ שפּעטער פאַנגט איהם ערשט אָן צו אינטערעסירען דיא בּעדייטונג פון דער ערשיינונג אַליין. דאָס וואָס איז ווייט, וויל ער בּעגרייפען פריהער פון דעם וואָס איז נאָהענט. וואָס איז ניט מעגליך פריהער פון דעם וואָס איז דער מענש אַליין. דער מענש האָט „פילאָזאָפירט" און פּאָעטיזירט בּעפאָר ער האָט זיך אויסגעלערנט צו מאַכען אַ הילצערנעם פאַנטאָפעל און צו שמיעדען אַ האַק; ווי אַזוי די שטערן צירקולירען אין די הימלען האָט ער געוואוסט לאַנג בּעפאָר ער האָט ערפאַהרען וויא זיין אייגענעם בּלוט צירקולירט אין זיינע אָדערן.

יעדע ליטעראַטור פאַנגט זיך אָן מיט פּאָעזיע. אַלעס, וואָס אונז איז פערבּליעבּען פון דיא קינדער־יאָהרען פון אַלטע פעלקער, איז געשריעבּען אין אַ פּאָעטישער פאָרם. ניט נאָר דיא בּיאָגראַפיען פון זייערע געטער און דיא מצות פון זייער רעליגיאָן, נאָר זאָגאָר זייערע געזעצע האָבּען זיי געשריעבּען אין שירים. שרייבּען אין פּראָזע און פון געוועהנליכע רעאַלע זאַכען האָט זיך גערעכענט ניעדעריג. דער מענש אינטערעסירט זיך פריהער מיט דעם וואָס איז איבּער דער נאַטור (מעטאַפיזיק) און ניט מיט דער נאַטור אַליין (פיזיק). דאָס וואָס ער האָט געזעהען און בּעאָבּאַכטעט, האָט איהם ניט אינטערעסירט אַזוי, וויא דיא מיסטעריען, געהיימניסע, וועלכע ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. ער האָט מעהר פאַנטאַזירט, וויא געדענקט; מעהר געפיהלט, וויא געטהאָן. אין אונזער צייט קענען מיר בּעצייכענען אַזאַ צושטאַנד פון דעם מענשענס גייסט מיט'ן וואָרט ראָמאַנטיש...

אין דער צייט, ווען דיא ליטעראַטור פון אַ פאָלק איז ראָמאַנטיש הייסט עס, אַז אַלעס וואָס ער שאַפט דאַן, אַלעס וואָס ער רופט דאַן מיט'ן נאָמען וויסענשאַפט, טראָגט אויך אַ ראָמאַנטישען כאַראַקטער. דער ראָמאַנטיזם פּאָעטיזירט דיא היסטאָריע און דיא וועלט־בּעשרייבּונג. דיא היסטאָרישע ווערקע פון אַזאַ פעריאָדע זיינען מעהר פּאָעזיע, וויא ווירקליכקייט, מעהר פאַנטאַזיע, וויא פאַקטען. דיא זאָ־גענאַנטע וויסענשאַפט בּעשעפטיגט זיך דאַן מעהר מיט דעם, וויא אַזוי מען זאָל וויסען דאָס וואָס עס איז אונמעגליך צו וויסען... דאָס וואָס דער מענש דיכטעט, ווערט אָנגענומען אַלס פאַקטען און טהאַט־זאַכען. ווירקליכע טהאַט־זאַכען און פאַקטען ווערען איגנאָרירט. אַזוי איז געוועזען בּיי דיא אַלטע פעלקער, אַזוי אויך בּיי דיא יונגע איראָפּעאישע פעלקער. דאָס קריסטענטהום האָט זיי געבּראַכט אַ נייעם שטאַרקען שטראָם פון ראָמאַנטישע געפיהלע און האָט זיי אויף אַ לאַנגע צייט אַוועק געשטויסען פון דער רעאַלער וועלט.

דיא קריסטליכע רעליגיאָן האָט פיעלע יאָהרהונדערטע אָבּגעהאַלטען דיא ענטוויקלונג פון דעם מענשענס גייסט. דיא מענשען האָבּען מעהר געדיכטעט, וויא געפאָרשט. מעהר פאַנטאַזירט וועגען דאָס פערגאַנגענע, וויא געלערנט צו פערשטיין דאָס געגענווערטיגע. וואונדער, נסים, מופתים זיינען גערעכענט געוועזען פאַר פאַקטען.

בבא מעשות וועגען דעם הייליגען גראַל, וועגען פּאַרסיוואַל, וועגען קאַרל דעם גרויסען און זיינע צוועלף פּאַלאַדינען האָבען זיך גערעכענט פיר היסטאָרישע טהאַטזאַכען. איין אַלטער קריסטליכער „וויסענשאַפטליכער“ בוך, וועלכער רופט זיך „פהיזיאָלאָגוס“, גיט אונז אַ בעגריף פון דער ראָמאַנטישער „נאַטור וויסענשאַפט“. אין דעם בוך ווערען בעשריעבען דיא אייגענשאַפטען און דיא נאַטור פון חיות. עס איז די ערשטע קריסטליכע „זאָאָלאָגיע,“ בעגרינדעט אויף דער ביבעל און בבא מעשות. דאָרט ווערט בעשריבען אַ חיה, וועלכע איז האַלב לייב פון פראָנט און האַלב מוראַשקע פון הינטען, ווייל איהר טאַטע איז געוועזען אַ לייב און איהר מאַמע אַ מוראַשקע. דאָרט געפינט איהר אַ חיה סאַלאַמאַנדרע, וועלכע ברענט ניט אין פייער, אַ פויגעל פּעליקאַן, וועלכער גיט לעבען צו זיינע קינדער מיט דעם וואָס ער אָפּפערט זיי זיין בלוט און שטאַרבט, אַ פויגעל פעניקס, וועלכער שטאַרבט דורך פייער און ווערט אויפגעלעבט פון זיין אייגענעם אַש; און נאָך פיעלע אַזעלכע „וויסענשאַפטליכע“ פאַקטען. דאָס זעלבע געפינען מיר אין דער אַסטראָלאָגיע, אין דער אַלחעמיע און אין אַלע ראָמאַנטישע וויסענשאַפטען. פּאָליטישע עקאָנאָמיע אין איהר יוגענד איז אויך ראָמאַנטיש, איין אוטאָפּיע.

נאַטירליך, דיא קריסטליכע קונסטווערקע און דיא ליטעראַטור זיינען געוועזען האָן ראָמאַנטיש. וויא דער געדאַנק פון מענשען פאַנגט אָן צו ווערען רייף, וויא אַ פאָלק פאַנגט אָן ארויסצוּוואַקסען פון דיא קינדישע יאָהרען, פאַנגט עס אָן צו דענקען פון פּראַקטישע זאַכען, ער הויבט אָן צו רעאַליזירען דיא ווירקליכקייט. אין דער פּעריאָדע ווערען געבוירען מאַטעריאַליסטישע געדאַנקען, אין סאָציאַלען לעבען ווערען געשאַפען פּראַקטישע פערענדערונגען, אין דער ליטעראַטור ערשיינען ווערקע, וועלכע בעהאַנדלען דעם מענשען, זיין לעבען, זיינע פערהעלטניסע צו אַנדערע. עס קומען דיכטער מיט רעאַליסטישע וועלט־אַנשויאונגען און שרייבען רעאָליסטישע ווערק. מערקווירדיג איז דאָס, וואָס זאָגאַר יעדער רעאַליסטישער דיכטער אַליין לעבט איבער אין זיין פּערזענליכען שאַפען דיא אַלע דריי פּעריאָדען פון ענטוויקלונג: אין דער יוגענד איז ער ראָמאַנטיש, אין דיא געזונדע רייפע יאָהרען איז ער רעאַליסטיש, אויף דער עלטער ווידער ראָמאַנטיש.

כמעט יעדער פּראָזע־שרייבער פאַנגט אָן זיין ליטעראַרישע קאַריערע מיט פּאָעזיע און שירים. אַזאַ גרויסער רעאַליסט וויא טאָלסטאָי איז געוואָרען אויף דער עלטער אַ ראָמאַנטיקער. ער האָט אָנגעהויבען בענקען נאָך דער אַלטער קריסטליכער פערגאַנגענהייט... דער זשעניאַלער קאָמפּאָזיטאָר וואַגנער האָט אָנגעפאַנגען אין דער יוגענד מיט'ן קריסטליכען ראָמאַנטיזמוס, איז איבערגעגאַנגען צו רעוואָלוציאָנערען רעאַליזמוס און האָט אויף דער עלטער געענדיגט מיט זיין קריסטליך־לירישען־ראָמאַנטישען „פּאַרסיוואַל.“ עמיל זאָלאַ האָט אָנגעפאַנגען מיט פּאָעזיע, אין דיא רייפע יאָהרען איז ער געוועזען דער שטאַרקסטער מאַטעריאַליסט און רעאַליסט, אין זיינע לעצטע יאָהרען האָט ער זיך אָנגעהויבען צוריק ווענדען צום ראָמאַנטיזם און אוטאָפּיע. ראָמאַנטיזם, וויא רעאַליזם, זיינען אַזעלכע אייגענשאַפטען, וואָס ליעגען אין דער נאַטור פון'ם מענשען. אין דער נאַטור פון דעם הייניטיגען מענשען, וועלכער איז מעהר אַ פּראָדוקט פון דער קריסטליך־יודישער ציוויליזאַציאָן וויא פון דער גריכישער ציוויליזאַציאָן, ליעגען דיעזע ביידע אייגענשאַפטען געוויס.

3.

מען זאָגט, אַז דער רעאַליזמוס, מיט דעם וואָס ער ווייזט דיא נאַקעטע ווירקליכקייט און ערקלערט דיא פאַקטישע זייט פון אונזער לעבען, רויבט ער אַוועק ביי אונז אידעאַלען... עס איז פונקט פאַרקעהרט: רעאַליזמוס איז דיא איינציגע מאַכט, וואָס צווינגט אונז צו דענקען פון אַ בעסערע צוקונפט, ווייל ער ווייזט אונז אָהן צערעמאָניעס דיא אַלע שלעכטע זייטען פון דער געגענוואַרט. דער ראָמאַנטיזמוס טרוימט אַם מיינסטען פון דער פערגאַנגענהייט... ער זוכט אויך טרוימען פון דער צוקונפט, אָבער ניט צו טהאָן וואָס. ער קען ניט געבען קיין א י ד ע א ל פון אַ בעסערע צוקינפטיגען לעבען, ווייל ער האָט ניט דיא אידעע פון'ם איצטיגען לעבען. אָן אידעאַל איז רעאַליסטיש, ווייל ער פ ע ר ש פ ר ע כ ט מ ע ג ל י כ ע ס. אַ שוסטער איז אַ רעאַליסט, ווען ער האָט לעדער און אלע מאַטעריאַלען און שטעלט זיך פאָר אין געדאַנק דיא שעהנע שטיוועל, וועלכע ער וועט מאַכען שפּעטער. אַ שוסטער אָבער, וועלכער דענקט דערפון, אַז דיא מענשען זיינען נידעריג, וואָס זיי דענקען גאָר פון אַזאַ קלייניגקייט, וויא שטיוועל; דאָס אַ קינד איז גליקליך, ווייל עס לויפט אום באָרוועס אין אַ טייכעלע פון רעגען־וואַסער — אַזאַ שוסטער איז אַ ראָמאַנטיקער. און ווען ער

טרוימט, אז אין דער צוקונפט וועט קומען א גליקליכע צייט, ווען דער מענש וועט נאָר א פייף טהאָן, וועט איהם שוין אַראָפּפּאַלען פון הימעל א פּאָאַר ברילאנטענע שיך מיט דיאמענענע קנעפּלאַך, הייסט עס ניט, אז ער האָט איין אידעאל אין דער צוקונפט, ווארום דאָס וואָס קען זיך ניט פערווירקליכען איז ניט קיין אידעאל, עס איז א פאַנטאַסטישער חלום.

דער רעאַליזמוס גיט א מאַטריעלע ווארהייט, דער ראָמאַנטיזמוס גיט א רעליגיעזע ווארהייט. א רעליגיעזע ווארהייט איז געבויט אויף גלויבען, א רעאלע ווארהייט איז געבויט נאָר אויף דעם וואָס מיר ווייסען. וויא באלד נאָר אין דער וועלט פון וויסענשאפט קומט דיא צייט פיר אזעלכע מאַטעריאליסטען וויא בעקאָן, וויא קאָפעריק, ערשיינען אין דער ליטעראַטור אזעלכע רעאַליסטען וויא שעקספּיר, וויא סערוואַנטעס (פּערפאַסער פון דאָן קיכאָט).

פאר דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן זיינען געקומען דיא פראנצויזישע פריידענקער. דידראָ האָט געשריעבען דראמען פון דעם רעאלען קליין־בירגערליכען לעבען. באָמארשע האָט געפּאַלמעסט דעם שטערבענדען קערפּער פון דעם פעאָדאַליזמוס. דארווין שפּאַצירט אריין צוזאַמען מיט זאָלא, קאַרל מארקס רעדט פון דער גענענווארט צוזאמען מיט איבסענען און דענקט פון דער צוקונפט צוזאמען מיט טאָלסטאָי, דעם רעאַליסט. ווען דעם מענשענס געדאנקען איז רייף, ווען זיינע שטרעבונגען זיינען פּראַקטיש, ווען זיין קערפּער איז מונטער און טהעטיג, דאַן איז זיין ליטעראַטור רעאַליסטיש. דער רעאַליזמוס האָט שטענדיג סאָציאַלע, מאַטעריעלע אויפגאַבען; דער ראָמאַנטיזמוס האָט אויפגאַבען אינדיווידועלע און מאָראַלע — ער איז א גרויסער קרוב צום קריסטענטום. ניט אומזיסט זיינען דיא אמת'ע פרומאקעס און דיא היפּאָקריטען אזוי געגען רעאַליזם. דער רעאַליזם טויטעט אלעס, וואָס איז פערבונדען מיט גלויבען. ער גלויבט ניט אָדער אינטערעסירט זיך ניט אין דאָס גייסטיגע, זאָלאַנג ער קען עס ניט אנידערלעגען אויפן אנאטאָמישען טיש און צוגליעדערען מיט'ן מעסער פון אנאליז. וויא דיא פילאָזאָפיע ווערט נאָר מאַטעריאליסטיש, קעמפּפט זיא באלד געגען רעליגיאָן....

וויקטאָר הוגאָ און לעוו טאָלסטאָי זיינען ביידע גרויסע זשעניען. דער ראָמאַנטיקער הוגאָ פּאָעטיזירט דיא וועלט געשיכטע, דער רעאַליסט טאָלסטאָי רעאַליזירט דיא פּאָעזיע פון דער היסטאָרישער וויסענשאַפט. וויקטאָר הוגאָ פערגעגטערט דעם מענש אָדער פערטייפעלט איהם, לעוו טאָלסטאָי צייגט, אז דיעזער גרויסער גאָט און דעמאָן איז אפילו קיין מענש ניט, ער איז נאָך מעהר חיה, וויא מענש.

דער ראָמאַנטיקער שרייבט ריין, ערהאבען, מאָראליש; ער וועט אָבער ניט מאכען דערמיט דעם פערדאָרבענעם מענשען ציכטיגער און מאָראַלישער. ער וועט נאָר אין איהם וועקען דעם פּאָעט. דיא רעאַליסטען שרייבען אמאָל צו אָפען, זיי האפען אָפט מאָל אריבער דיא מאָס, אָבער דאָס קען ניט מאכען דעם מענש אונמאָראַלישער. וויא באלד דער רעאליסטישער שרייבער איז ווירקליך א קינסטלער, האָט ער שטענדיג איין ערהאבענעם, ציכטיגען מאָטיוו ביי זיין שרייבען, א פּראַקטישען מאָראַלישען צוועק. ער וועקט אין דעם מענשען דעם מענש. אז איהר זעהט א רעאַליסטישע בילד, וויא א מוטער גיט דיא ברוסט איהר קינד און שפּיעלט קאָרטאָפליעס צו קאָכען פיר דעם מאַן א ווארעמעס, וועט דאָס אייך ניט געבען קיין אנשטויס צו שלעכטע געדאנקען. עס קען אייך צווינגען צו דענקען וועגען דיא הייליגע געפיהלע פון א מוטער, וועגען דיא שווערע פּליכטע פון אַן אָרימע פרוי, אויב אייער פאנטאזיע איז נאָר ניט פערדאָרבען. פאַרקערט, א ראָמאַנטישע בילד מיט א געטליך אונשולדיגע פרוי, וועלכע צעהלט דיא שטערען אין הימעל און ביי וועלכער אויף דעם ראָמאַנטישען ביוסט איז נאָר איין רעאַליסטישער קנעפּיל אָפּגעשפּיעליעט, קען האָבען פונקט אַ פערקערטע ווירקונג. דער מאָטיוו פון ווערק, דער מאָטיוו פון בילד איז דער עיקר, און וואָס רעאַליסטישער איהר וועט שילדערען און וואָס קלאָרער איהר וועט שרייבען, דעסטאָ שטארקער וועט זיין אויסגעדריקט דער ריינער מאָטיוו, דעסטאָ גרעסער וועט זיין דער איינפלוס, דעסטאָ מעהר סימפּאַטיען וועט דער פערפאַסער ארויסרופען צו זיין אידעע, צו זיין אידעאל. דיא דאָזיגע שרייבער, וועלכע בענוצען זיך מיט'ן נאָמען רעאַליסטען און מאָלען אויסגעלאַסענע פּאָרנאָגראַפישע בילדער נאָר מיט איין צוועק — צו וועקען דיא נידעריגע בעסטיאַלישע אינסטינקטען און נאָר מיט איין מאָטיוו — צו מאכען ביזנעס, דיא דאָזיגע שרייבער זיינען שאַרלאַטאַנעס. מיר רעדען פון אמת'ע קינסטלער. פונקט אזוי קען מען רעכענען פיר ראָמאַנטיקער דיא דאָזיגע שמירער, וואָס פאַבריצירען ראָמאַנטיש־פאַנטאַסטישע ווּנדער בבא

מעשיות. מיר רעדען פון דער רעאליסטישער ליטעראטור, וועלכע איז דיא ערציהערין פון דיא נייגעבארענע געדאנקען פון דער וויסענשאפט און פון דער פאזיטיווער פילאזאפיע.

.4

אלזא וואס איז דער אונטערשיעד צווישען רעאליזמוס און ראמאנטיזמוס?

דער ראמאנטיזמוס, ווען ער איז זאגאר פריידענקענד, שטרעבט דאך גראדע וויא דיא קריסטליכע מאראל צו טויטען אין דעם מענש דיא מאטעריע, דיא נאטור, דער רעאליזמוס פארקעהרט וויל אויפלעבען אין דער מאטעריע דעם מענשען.

ראמאנטיקער בעמיהען זיך שטענדיג צו שילדערען דאס ערהאבענע, דאס איבער מענשליך־זיטליכע, אום אויסצוראטען דיא אונזיטליכקייט. דיא רעאליסטען פערקעהרט נעמען דאס נידריגע, דאס געוועהנליכע, דאס אלטעגליכע, אום איינצו־ווארצלען דיא זיטליכקייט. א ראמאנטיקער נעמט איין אימפרעסיאן, איין איינדרוק און וויל פון דעם מאכען א רעאלע זאך. א רעאליסט נעמט א רעאלע זאך און זוכט דערמיט מאכען איין אימפרעסיאן, איין איינדרוק.

דיא ראמאנטיקער ווילען געבען צו פערשטיין, אז דיא גאולה פון דער מענשהייט קען קומען דורך אירגענד וועלכען משיח פון הימעל. דיא ווירקליכקייט איז געמיין און שמוציג—דיכטען זיי א שעהנע, פאעטישע און זיסע אונווירקליכקייט. דיא רעאליסטען ווילען אבער ערקלערען, אז דער קריסטליך־ראמאנטישער מעסיאנישער געדאנק איז א פאעטישע פאנטאזיע און אז דער ערלעזער פון מענשען איז דער מענש אליין; אז דיא גאולה קומט ניט פון הימעל, נאר פון דער מאטעריעלער, רעאליסטישער ערד. א שעהנע אונווירקליכקייט האט ביי זיי קיין ווערטה ניט, וויא פערצוקערט זיא זאל ניט זיין. זיי נעמען דיא ווירקליכקייט אזוי וויא זיא איז. א געוויכער ענגלישער דענקער האט געזאגט: "דער נצחון פון רעאליזמוס איבער ראמאנטיזמוס איז דער נצחון פון וויסענשאפט איבער איינבילדונג און געפיהל."

דיעזער נצחון איז אבער ניט קיין שטענדיגער. עס זאמלען זיך אן פיעלע פאקטען, דיא וויסענשאפט ווערט ברייטער און גרעסער, און רייכער. אבער דיא מיסטעריען פון'ם מענשענס "דאזיין" בלייבען נאך אלעם אונערקלערט, דיא פערבארגענע געהיימניסע פון דער נאטור נאך אלעם ניט ענטדעקט. דער פעריאד פון מונטערע טהעטיגקייט געהט פאראיבער, דיא מידקייט פון דער עלטער קומט. דער מענש הויבט אן ווענינער און וועניגער צופריעדען צו זיין פון דאס מאטעריאליסטישע... עס הויבט איהם אן ציהען "רמה," העכער פון דעם ווירקליכען, אירדישען לעבען. ער בענקט צוריק נאך זיין יוגענד און וויל זיך בויען לופט שלעסער אין דער צוקונפט — דערצו דארף ער קיין מאטעריאל פון זיין ווירקליכען לעבען. ער הויבט אן ראמאנטיצירען..

איהר קענט עס ניט העלפען. ביידע נייגונגען זיינע איינגעווארצעלט אין דער נאטור פון דעם היינטיגען מענשען...

יעקב גארדין.

# די נאציאנאלע פראגע און פאליטישע וויסענשאפט

1.

די נאציאָנאלע פראגע איז א פּאָליטישע פראגע, און די וויסענשאפט וואס איז בכח צו געבען א קלאָהרע און דייטליכע תשובה אויף איהר, איז די פּאָליטישע וויססענשאפט. נור די וויסענשאפט, וואס האָט צו טהון מיט די ארדנונגען און געזעצען פון שטאאט און מיט דעם לעבען פון מענשען אין שטאאט, נור זיא קען ערקלערען אויף די שוויעריגקייטען, וואס קומען ארוים צוליעב דעם, וואס מענשען פון פערשיעדענע נאציאָנען וואהנען צומישט אין איין שטאאט. וואס זשע ענטפערט די פּאָליטישע וויסענשאפט אויף דעם?

עס זיינען געווען צייטען, ווען עס האָט געהערשט די מיינונג, אז די „נאציאָן“ עקזיסטירט גאָר ניט פאר די מלוכה, אז דער שטאאט האָט גאָר ניט צו טהון מיט דער נאציאָנאלער פראגע.

די מלוכה, דער שטאאט, האָט מען ערקלערט, האָט נור צו טהון מיט איינצעלנע מענשען און זייערע פריוואטנע רעכטע. יעדער איינוואָהנער פון שטאאט איז א בירגער און יעדער בירגער האָט דאס רעכט צו פאדערען, אז די רעגיערונג זאָל בעשיטצען זיין פערזאָן, זיין אייגענטהום, און אז זיא זאָל ניט אונטערדריקען קיינע געפיהלען, וואס שאדען ניט אנדערע בירגער. פארקעהרט, דער שטאאט דארף זעהען צו שטיצען און צו זיכערען אלע מעגליכע אינטערעסען פון זיינע בירגער; ער דארף זעהען צו מאכען פאר זיי דעם לעבען וואס בעקוועמער, וואס אנגענעהמער.

צו די רעכטע פון די איינצעלנע פערזאָנען געהערט, נאָך יענע טהעאָריען, אויך דאס רעכט צו ריידען אויף די מוטער־שפּראך, די פרייהייט זיך צו פיהלען און צו רופען א מיטגליעד פון זיין נאציאָן.

די נאציאָן אליין עקזיסטירט אבער גאָר ניט אלס זעלבסטשטענדיגע ערשיינונג. זיא האָט גאָר קיין אייגענע אלגעמיינע אינטערעסע ניט. נאציאָן איז נור א נאָמען, וואס מיר גיבען א גרויסע מאסע מענשען, וועלכע פיהלען זיך צוזאמענגעבונדען, וועלכע ריידען אויף דער זעלבער שפּראך. נאציאָן איז א סך הכל פון איינצעלנע פערזאָנען. דאריבער הייסט אויך דיזע טהעאריע: די אטאָמישע (אטאָם איז אזא קליינער קערפּערל, וואס קען זיך מעהר ניט טהיילען), ווייל זיא מיינט, אז אין דער מלוכה און פאר די מלוכה עקזיסטירען נור איינצעלנע מענשען און זייערע רעכטע.

איצט האלט מען אָבער ניט פיעל פון דיעזע טהעאָריע, זיא איז אויך צו אויבערפלעכליך. ווען די פערטרעטער פון דער טהעאָריע וואָלטען טיעפער בעטראכט די פראגע אין איהר צוזאמענהאנג מיט אנדערע ערשיינונגען פון געזעלשאפטליכען לעבען, וואָלטען זיי זיך געדארפט שטעלען די פראגען: וויא אזוי זיינען ארויסגערופען געווארען די נאציאָנאלע געפיהלען פון די איינצעלנע מענשען? פון וואנען האָבען זיי זיך גענומען?

די איינציגע ריכטיגע תשובה וואָלט געווען: די נאציאָנאלע געפיהלען, וויא אללע אנדערע געפיהלען און פערבינדונגען פון מענשען זיינען ארויסגערופען געווארען דורך גלייכע אלגעמיינע אינטערעסען, דורך דעם לעבען אונטער גלייכע אומשטענדען.

דאס נאציאָנאלע געפיהל איז דאריבער א געזעלשאפטליכער געפיהל. די נאציאָנאליטעט אליין דריקט זיך אוים אין א שפּראך, ליטעראטור, קולטור, רעכט, זיטען א. ד. ג. דער נאציאָנאלער אינטערעס פאָדערט דאס אלעס צו בעשיצען און צו ענטוויקלען.

דאס זיינען דאָך געזעלשאפטליכע ערשיינונגען. וויא קען מען גאָר וועלען פערענטפערען די נאציאָנאלע פראגע דורך דעם וואס מען זאָל מאכען דעם יחיד פאר דעם גאנצען טרעגער פון די נאציאָנאלע אינטערעסען?

די פעראייניגונג פון קרעפטען רופט איבעראל ארוים עפּעס א נייעס. אויך די נאציאָנאלע נשמה ווערט ערשט בעשאפען דורך דעם, וואס א געוויסע גרופּע מענשען פיהלען, דיינקען און האנדלען אויף'ן זעלבען ארט. דער איינצעלנער מענש, דער איינצעלנער גליעד קען איבערהויפּט ניט זיין פערעכענט פאר דעם אמת'ן פארשטעהער פון דער גאנצער נאציאָן, ווייל ניט ביי יעדען מענשען איז דאָס נאציאָנאלע געפיהל גלייך.

2.

די נאַציאָנאַליטעט איז א געזעלשאַפטליכע היסטאָרישע ערשיינונג, וואס איז נוגע גאַנצע גרופּען פון מענשען. די נאַציאָן האָט איהרע שטרעבונגען, איהרע אינטערעסען. נור אין וואס בעשטעהען זיי?

צוויי הויפּט אינטערעסען עקזיסטירען פאַר יעדע נאַציאָן: ערשטענס, די איינהייט. יעדע נאַציאָן וואָלט וועלען, אז אַלע איהרע גליעדער זאָלען זיין פאַראייניגט, כדי צו העלפען מאַטעריעל, גייסטיג און מאָראַליש צו עטוויקלען און צו פערשפּרייטען די נאַציאָנאַלע קולטור.

דערביי ווייזט זיך ארויס דער פאַקט, אז וואס קלענער א נאַציאָן איז, אלץ גרעסער און שטאַרקער ווערט ביי איהר די שטרעבונג צו פעראייניגען אַלע מיטגליעדער פון פאָלק. קיין גליעד זאָל ניט פעהלען, קיינער זאָל ניט פערלאָרען געהען פאַר די נאַציאָן. ביי די קליינע נאַציאָנען ערוועקט זיך זאָגאר א מין פאַנאַטיזמוס, א האַס געגען יעדען מיטגליעד, וואס איז ניט מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען דער נאַציאָן, ווייל פאַר אזא נאַציאָן איז יעדע פּערזאָן טהייער.

דער צווייטער נאַציאָנאַלער אינטערעס איז די פרייהייט.

יעדע נאַציאָן וויל זיין פריי, וויל ניט זיין אַבהענגיג פון קיינעם ניט פּאָליטיש, ניט גייסטיג. יעדע וויל זיין א בעל הבית אויף זיך אליין.

ביי די גרויסע און שטאַרקע הערשענדע נאַציאָנען עקזיסטירט נאָך אן אינטערעס: דער פערלאַנג און די שטרעבונג צו הערשען איבער אַנדערע, צו אונטערדריקען די שוואַכערע, קלענערע נאַציאָנען.

כדי די אינטערעסען צו בעשיצען און די שטרעבונגען צו ערפילען, מוז די נאַציאָן האָבען געוויסע רעכטע און פּריווילעגיען פון שטאַאט.

עס פרעגט זיך נור, וויא זאָל דער שטאַאט עס דורכפיהרען, וויא זאָל ער מאַכען, אז ער זאָל זיין גערעכט צו אַלע נאַציאָנען, וואס וואוהנען אין איהם?

עס זיינען דאָ טהעאָריען וואס זאָגען: דער שטאַאט האָט צו טהון מיט דער בעפעלקערונג פון לאַנד, מיט די איינוואוהנער פון געוויסע טעריטאָריען (געגענדען) פון לאַנד. דעריבער מוזען אויך די נאַציאָנאַלע רעכטע זיין ענג פערבונדען מיט'ן לאַנד, מוזען זיין צוגעפּאַסט צו דער טעריטאָריע אויף וועלכער די נאַציאָן וואוהנט.

נור די נאַציאָנען קענען פאָדערען פון דער מלוכה געוויסע נאַציאָנאַלע רעכטע, וועלכע האָבען א ,,אייגענע" לאַנד, א אייגענע טעריטאָריע. א געוויסע שטיק לאַנד איז אזוי וויכטיג פאַר די עקזיסטענץ פון א נאַציאָן, אז אהן דעם קען קיין נאַציאָן זיך ניט האַלטען.

עס פרעגט זיך נור, וואס הייסט אן אייגענע לאַנד? א טהייל זאָגען: נור די נאַציאָנען זיינען אמת'ע, קענען פאָדערן נאַציאָנאַלע רעכטע, קענען האָפען צו זיין זעלבסטשטענדיג, וועלכע זיינען שוין אמאָל געווען זעלבסטשטענדיג, וואס האָבען ,,געהאט א אייגענע מלוכה" אין א אייגענער לאַנד. די נאַציאָן, וואס האָט ,,היסטאָרישע" רעכטע אויף א געוויסע לאַנד, די וואס האָט אמאָל ,,געהערשט", געפיהרט די גרענדע, די האָט דאס רעכט צו פאָדערן אויך ווייטער נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט; נור זיא מעג מאַכען פּרעטענזיאָנען אויף ,,איהר" לאַנד, אויף איהר ,,הייליגע" לאַנד.

אָט אזוי קוקען ביי אונז די ציוניסטען אויף די נאַציאָנאַלע פראַגע און פאָדערן פון סולטאַן ,,זייער" לאַנד. דאס איז די ,,היסטאָרישע" טהעאָריע.

גערעכטער וויל זיין צו די פערשיעדענע נאַציאָנען די עטהישע טהעאָריע. זיא זאָגט: יעדע נאַציאָן האָט דאס רעכט אויף דאס לאַנד, וואו זיא וואוהנט. עס איז גאַנץ גלייך, צו האָט די נאַציאָן געהערשט אמאָל אדער ניט, צו האָט זיא ,,היסטאָרישע" רעכטע אויף א לאַנד צו ניט; וויא באַלד אז אין א געוויסען לאַנד געהערט דאס רוב פון דער בעפעלקערונג צו א נאַציאָן, האָט די נאַציאָן שוין דאס רעכט צו ,,הערשען" איבער דעם לאַנד. ,,היסטאָרישע רעכטע קענען קיין בעדייטונג ניט האָבען, ווייל די בעפעלקערונג בייט זיך, די גרענעצען פון די נאַציאָנאַלע מלוכות ענדערען זיך."

גערעכטער פאַר די היסטאָרישע טהעאָריע איז טאַקע די עטהישע טהעאָריע; אבער ריכטיג און גערעכט פערענטפערען די נאַציאָנאַלע פראַגע קען זיא ניט. אָט פאַר וואס:

דאס רוב פון דער בעפעלקערונג פון א לאַנד קען זיך בייטען, קען זיין פערשיעדען אין פאַרשיעדענע צייטען, אין פאַרשיעדענע פּלעצער. די ערטער, אין וועלכע א געוויסע נאַציאָן געפינט זיך אין מעהרצאָהל קענען זיין אבגעזונדערט איינע פון די אַנדערע. די גרענעצען קענען זיין צופעליגע און שווער אבצוטהיילען איינע פון די אַנדערע. אין די שטעדט קען איין נאַציאָן בילדען דאס רוב פון דער בעפעלקערונג, אויפ'ן לאַנד אבער אַנאַנדערע.

נעהמט, צום ביישפּיעל, א גובערניע פון דער אידישער טשערטאַ. אידען זיינען א גרויסע טהייל פון דער שטאָדטישער בעפעלקערונג, און כמעט גאָר ניטאָ אויפ'ן לאַנד. נעהמט פאַרשיעדענע רוסישע גובערניעס און איהר וועט געפינען

גאנצע דיסטריקטען, וואו דייטשען לעבען ענג נעבען די אנדערע, זיי זיינען דאס רוב פון דער באפעלקערונג פון יענע דיסטריקטען. היינט אין די שטעדט, וואס פאר א ערוב־רב פון נאציאָנען הערשט אין זיי!

3.

די טהעאָריע, וועלכע מאכט די נאציאָנאלע פראגע אבהענגיג פון די טעריטאָריען, אויף וועלכע די נאציאָנען וואהנען, האָט אבער אויסער דעם א געוויסען פעהלער. זי וויל נור בעפרידיגען דאס רוב פון דער בעפעלקערונג, אויך נור די נאציאָנען, וואס זיינען דער רוב פון דער בעפעלקערונג פון וועלכע עס איז א געגענד אדער לאנד. זי וויל גאָר ניט וויסען פון די קלענערע טהיילען פון דער בעפעלקערונג, וועלכע וואהנען ניט אין די גרענעצען פון „נאציאָנאלען“ לאנד. זי וויל אויך ניט וויסען פון די נאציאָנען, וועלכע זיינען אין ערגיץ ניט, אין קיין געגענד ניט דאס רוב פון דער בעפעלקערונג; אבער פאר זיי דארף מען אויך זאָרגען.

דורך די עקאָנאָמישע אומשטענדע מוזען געוויסע טהיילען פון דער נאציאָן פערלאָזען די ערטער און געגענדען, וואו זיי זיינען געבארען געוואָרען, און זוכען זייער חיונה אין אנדערע טהיילען פון דער זעלבער מלוכה, אין אנדערע מלוכות און זאָגאר אין אנדערע וועלט־טהיילען. אָט די טהיילען פון דער נאציאָן וועלען דורך די בילדונג פון קליינע נאציאָנאלע טעריטאָריען גאָר ניט געווינען; פארקעהרט, זיי וועלען נאָך פערליערען, ווייל זיי ווערען אבגעריסען פון דער נאציאָן, זיי ווערען בעטראכט ווי ניט קיין גלייכע קינדער פון פאָלק, ווי שטיעף־קינדער אדער גאר אבגעשניטענע גליעדער.

און די נאציאָנען, וואס זיינען אין ערגיץ ניט דאס רוב פון דער בעפעלקערונג, ווערען אזוי געצוואונגען צו אונטערדריקען זייערע נאציאָנאלע געפיהלען, שפראך און קולטור, קען מען דאס דען האלטען פאר א אידעאלע פארענטפערונג פון דער נאציאָנאלער פראגע?

איבערהויפט זיינען די טעריטאָריאלע טהעאָריען געבויט אויף א פונדאמענט, וואס מיר, סאָציאליסטען, קענען ניט אנערקענען. זיי שטיצען זיך אויף דעם פונדאמענט פון פריוואט אייגענטהום. זיי זאָגען: ווי באלד אז דו וואָהנסט אויף מיין טעריטאָריום, מוזסטו פאָלגען מיינע בעפעהלען און געזעצען, מוזסטו רעדען מיין שפראך, ביסטו מיין אונטערטהאַן.

דאס בעדייט אבער הערשאפט פון מענשען, ניט גלייכהייט פאר אלעמען. דאס בעדייט די הערשאפט פון תושב איבער'ן גר, די הערשאפט פון דעם רייכען, פון אייגענטהימער, וואס איז צוגעבונדען דורך זיין אייגענטהום צום נאציאָנאלען לאנד, איבער דעם פראָלעטאריער, וואס מוז ארומפאהרען איבער דער גרויסער וועלט זוכען צו מאכען א לעבען; דאס בעדייט די הערשאפט פון די גרעסערע טהיילען פון דער בעפעלקערונג איבער די קלענערע.

4.

עס איז אבער גאָר ניט נויטיג אזוי צו פערענטפערען די נאציאָנאלע פראגע. עס איז פאלש צו מיינען, אז דער תוך פון דער נאציאָן הענגט אזוי שטארק אב פון לאנד, איז אזוי ענג פערבונדען מיט דער טעריטאָריע. מיר האבען געזעהען אין וואס עס בעשטעהען די אלגעמיינע נאציאָנאלע אינטערעסען. דאס זיינען ריין גייסטיגע, קולטורעלע אינטערעסען. דאריבער הענגט די פראגע פון נאציאָנאליטעט ניט אב פון טעריטאָריען. מיר זעהען אויף יעדען טריט, אז ווען מען פערלאָזט די נאציאָנאלע טעריטאָריען, הערט מען דאָך ניט אויף צו זיין א מיטגליעד פון דער נאציאָן, און ווען מען קויפט א שטיק לאנד ערגיץ, ווערט מען דורך דעם נאָך ניט קיין מיטגליעד פון דער נאציאָן פון יענעם לאנד.

די נאציאָן איז א פערבאנד פון מענשען, אן אָרגאניזאציאָן פון פערזאָנען, וואס זיינען פערבונדען דורך גלייכע שפראך, געשיכטע, אבשטאמונג, זיטען א. ד. ג. די נאציאָן איז, מיט איין וואָרט, א קולטור געמיינשאפט פון געוויסע פערזאנען. דאריבער מוז אויך די פערענטפערונג פון דער נאציאָנאלער פראגע בעשטעהן אין דעם, צו זיכערן יעדער נאציאָן און יעדען גליעד פון איין נאציאָן אין יעדען טהייל פון דער מלוכה זייערע נאציאָנאלע רעכטע, צו בעשיצען זייערע נאציאָנאלע אינטערעסען, און דאס איז מעגליך נור אויף איין אופן: יעדע נאציאָן איז א חברה פון פערזאָנען, וואס פערענטפערען אליין זייערע נאציאָנאלע פראגען, וואס זוכען אליין צו בעשיצען זייערע נאציאָנאלע אינטערעסען, צו ערפילען זייערע נאציאָנאלע בעדירפניסע. אָט אין די ריין נאציאָנאלע פראגען איז יעדע נאציאָן גאנץ זעלבסטשטענדיג, זי איז פון קיינעם ניט אבהענגיג, זי איז א בעל הבית אויף זיך אליין. די טהעאָריע רופט מען דאריבער: די סיסטעם פון נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע.

אבער די נאציאָנאלע אינטערעסען זיינען נור איין סאָרט אינטערעסען פון די מענשען. זיי זיינען אפילו ניט די וויכטיגסטע אינטערעסען, אויסער זיי זיינען נאָך פערהאנדען עקאָנאָמישע, פאָליטישע, סאָציאלע און אנדערע אינטערעסען.

אָט פאר די איבריגע אינטערעסען פון לעבען עקזיסטירט די צענטראלע רעגירונג,

דיא טהיילונג אין פּראווינצען, אין סטייטס, דיא אַלגעמיינע געזעטצען פון לאנד, דיא צענטראלע פּארלאמענטען א. ז. וו. דיא נאציאָנאלע אינטערעסען קענען אבער אבגעטהיילט ווערען פון אַלע איבּריגע אינטערעסען, אין זיי איז יעדע נאציאָן אָטאָנאָם, און דיא גאנצע מלוכה איז א פערבּאנד פון אזעלכע אָטאָנאָמע נאציאָנאלע גרופּען, ניט אבער פון לענדער. דורך דעם ווערט פאר יעדען מיטגליעד פון יעדער נאציאָן מעגליך צו זיין פריי, ניט אבהענגיג פון אנדערע נאציאָנען און צו זיין פעראייניגט, פערבּונדען מיט אַלע איבּריגע מיטגליעדער פון זיין נאציאָן.

דער מענש ווערט בעפרייט פון דעם צופאל, דעם צופעליגען רוב.

איבערהויפּט שפּיעלט פאר דעם איצטיגען מענשען דיא פעראייניגונג מיט אנדערע מענשען, וואס דיינקען וויא ער, וואס פיהלען וויא ער, א פיעל וויכטיגערע ראָלע וויא דיא שכנות. דיא געזעלשאפטליכע אחדות פערשטופּט דיא טעריטאָריאלע. דער מענש איז נעהענטער צום מענשען וויא צום פּלאטץ אדער לאנד, אין וועלכען ער וואהנט. דיא היסטאָריע פון דיא לעצטע עטליכע הונדערט יאָהר ווייזט, אז דיא שטאַטען, דאס רעכט, דיא געזעטצגעבּונג געהן אלץ ווייטער און ווייטער אויף דעם וועג, וואס פיהרט צו דער אבשוואכונג פון דעם איינפלוס פון דער טעריטאָריע. זיי ווערען אלץ מעהר אבהענגיג און בעשטימט דורך אנדערע כחות.

דער פּרינציפּ פון פּערזאָן און פון פערבּינדונג פון פּערזאָנען ווערט אלץ שטארקער אין לעבּען פון מענשען און פון דער מלוכה.

און דער זעלבּער פּרינציפּ מוז ווערען דער פונדאמענט צום פּארענטפערען דיא נאציאָנאלע פראגע, וויל דאס נאציאָנאלע קולטור־לעבען הענגט פיעל וועניגער אב פון טעריטאָריע וויא פון אנדערע זייטען פון געזעלשאפטליכען לעבּען.

דר. ק. פארנבּערג.

# פיוזשען און ארבייטער פּאָליטיק

(שלום).

מיין פאָריגער ארטיקעל איז געשריעבּען געוואָרען נאָך פאר דער לעצטער עלעקשיאָן. דער רעזולטאַט פון עלעקשאָן האָט אַ'ן איבּריגען מאָל בעוויעזען, ווי וויינינג די סאָציאַליסטישע פּארטיי־לייט פערשטעהן דעם סאָציאַליסטישען וואוטער. כמעט אומעטום האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פערלאָרען וואוטס. איך האָבּ דאָס פאָראויסגעזאגט נאָך מיט אַ יאהר צוריק, ווען דער עולם איז געווען פול מיט שמחה איבּער די גרויסע צאָהל סאָציאַליסטישע וואוטס. ווען איך האָבּ דאמאלס געזאגט, אַז א סך פון די סאָציאַליסטישע שטימען זיינען צוגעקומען צוליעבּ דעם קוילען־סטרייק און אַז די פּאַרטיי קען זיי אזוי לייכט פערליערען, ווי לייכט זי האָט זיי געוואונען, איז מען אויף מיר געווען אין כעס. היינט איז דאָס די אָפיציעלע ערקלערונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווי אזוי זי האָט פערלאָרען די וואוטס פון פאראיאהרען! נאַטירליך, מען זאגט היינט, אַז יענע וואוטערס זיינען ניט געווען אמת סאָציאַליסטישע; דערפאַר אבּער זיינען יענע, וואס זיינען היי־יאהר געבּליבּען, שוין עכטע סאָציאַליסטישע וואוטס! דאס איז די אַלטע טענה פון דער ס. ל. פּ. ווען נאָר מען פערליערט מעמבּערס אָדער וואוטערס, הייסט דאָס אַז „די פּאַרטיי האָט אויסגע'כשר'ט די הויז"... די צרה איז דאָ, ווי מיט די פינסקער בּלאָטעס: מען ליגט שוין דאכט זיך צעהן קלאַפטער איבּערן קאָפּ אין בּלאָטע, מען איז נאָך אבּער אַלין ניט זיכער, אַז מען האַלט שוין בּיין גרונט.

אין 1898 האָט די ס. ל. פּ. געצויגען אין כאַן־פראַנציסקאָ 4000 וואוטס; אין 1900 האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי געקראָגען נאָר 2035 וואוטס; אין 1901, ווען שמיץ איז געלאָפען פאר מייאָר אויף דעם טיקעט פון דער „יוניאָן לייבּאָר", האָט דער סאָציאַליסטישער

קאנדידאט פאר מייאר ניט געצויגען קיינע טויזענד וואוטס; מעהר ווי העלפט פון די סאציאליסטישע וואוטערס האבען אלזא „געפיוזט“ אליין מיט דער יוניאן־לייבאר פארטי. דאס־זעלבע איז געווען אין טאלידא, ווען דזשאנס איז דעם לעצטען מאל געלאפען פאר מייאר: צוויי דריטעל פון די סאציאליסטישע וואוטערס האבען, ווי געזאגט, מיט זייערע וואוטס בעוויעזען, אז זיי זיינען געווען פאר פיוזשאן מיט דזשאנסען. עס ווייזט אויס, אז ניט נאר די נייע וואוטערס, וואס זיינען צוגעקומען אין 1902, נאר אפילו די וואוטערס פון פאר דריי יאהרען זיינען אויך „אונזיכערע קאנטאניסטען“ בלשון „פאלקסצייטונג.“

דער פאראיאהרעדיגער וואוט האט בעוויזען אז עס זיינען פאראן א סך וואוטערס וואס סימפאטיזירען מיט דער סאציאליסטישער פארטיי אזוי וויט דאס זיי זיינען בערייט צו שטימען פאר איהר טיקעט אלס פראטעסט, ווען עס קומען פאר געוויסע טאגעספראגען פון וועלכע זיי ווערען אויפגערעגט; דער לעצטער וואוט אבער צייגט, אז דיזעלביגע וואוטערס פעראכטען גאר ניט אזוי שטארק די אנדערע פארטייען ווי מיינע אינקאמפראמיסליכע גוטע פריינד האבען זיך איינגערעדט. זיי וואוטען פאר ארבייטער־קאנדידאטען, פאר רעפארמערס, אדער גאר פאר די אלטע פארטייען, וויא עס קומט ביי זיי אויס גלייכער, אהן שום לייסענס פון דער סאציאליסטישער פארטיי.

* * *

ביי דער נעקסטער עלעקשאן וועלען מיר גאנץ וואהרשיינליך האבען אזא פראגע אין קאלאראדא. אין 1902 איז דורך די סאציאליסטישע וואוטס עלעקטעד געווארען א רעפובליקאנער גאווערנאר. מיסטער סלאבאדין מאכט זיך לוסטיג, דאס איך האב דערפון „שברת הלב“. נו, פארוואס טאקי ניט? וואס טהוט זיך איצטער אפ אין קאלאראדא? די קאנסטיטוציאן איז אפגעשאפט, א גאנצער מיינער־דיסטריקט איז אין בעלאגערונגס־צשטאנד; יוניאן־ארבייטער זיצען אין געפענגנים, טראטצדעם וואס דער געריכט האט ארויסגעגעבען א בעפעהל מען זאל זיי ארויסלאזען; דער גאווערנאר אבער האט געהייסען דער מיליץ, זי זאל ניט אכטען אויף דעם בעפעהל פון געריכט. אפילו א קאפיטאליסט, א דירעקטאר פון א קארפארײשאן, האט מען ארײנגעזעצט דערפאר, וואס ער האט בעשעפטיגט יוניאן־ארבייטער. מען וויל איהם נאך ארויסשיקען פון קאלאראדא. אויף אלע צייטונגען איז ארויפגעלעגט געווארען א צענזור, און דער גענעראל פון דער מיליץ האט ערקלערט אז קיין ארטיקעל וואס וועט קריטיקירען די האנדלונג פון דער רעגירונג טאר ניט דורכגעלאזען ווערען פון דעם צענזור. קורץ, עס איז פארוסקי, אויף פאניע'ס שטייגער. וועהרענד די צעהן יאהר וואס די פאפוליסטיש־דעמאקראטישע פיוזשאן האט רעגירט, האט מען פון אזעלכע זאכען ניט געהערט. מיט א יאהר אנדערטהאלבען צוריק איז טאקי אין דעמזעלבען דיסטריקט פארגעקומען א סטרייק פון מיינערס. וועהרענד דעם סטרייק איז דערשאסען געווארען א סופעראינטענדענט פון א מינע; קאפיטאליסטען האבען אויפגעפאדערט דעם פיוזשאן־גאווערנאר ער זאל שיקען סאלדאטען צו בעשיצען די מיינס, ער האט אבער ערקלערט, אז ער געפינט עס ניט פאר נויטהיג. *) ביי מיר קומט אויס, אז די סאציאליסטישע וואוטס זיינען דירעקט פעראנטווארטליך פאר די איצטיגע קריטישע לאגע אין קאלאראדא. ווי עס זעהט אויס, וועט עס ניט לאנג נעהמען, ביז די סאציאליסטישע וואוטערס פון קאלאראדא וועלען איינזעהען אז זיי האבען געמאכט א פעהלער און וועלען מאכען פיוזשאן מיט די פאפוליסטען און די דעמאקראטען, פיעלייכט נאך ביי דעם נעקסטען קאמפיין. א סימן האט איהר, אז דער געוועזענער ווייס־גאווערנאר קאוטס און זיינע אנהיינגער שטעהען שוין, ברוך השם, אונטער א'ן אנקלאגע וועגען דעם, וואס זיי האבען ניט געמאכט קיין נאמינײשענס פאר דזשאדזשעס ביי דער לעצטער עלעקשאן, כדי צו העלפען ארבייטער־קאנדידאטען, אדער אפשר „קאפיטאליסטישע“ קאנדידאטען.

כל זמן די פאפוליסטען זיינען געווען אין אמט, זיינען די ארגאניזירטע ארבייטער צוגעוואוינט געווארען, אז די רעגירונג זאל זיך צוהערען צו זייערע פאדערונגען. די סאציאליסטישע וואוטערס פון קאלאראדא ווייסען, אז ווען זיי זאלען זיך פעראייניגען מיט די דעמאקראטען און די פאפוליסטען, האבען זיי גענוג וואוטס ארויסצושליידערן די מינען־אייגענטהימער פון דער סטייט־רעגירונג. ווען די סאציאליסטישע פארטיי וועט דאס ניט טאן אלס פארטיי, וועלען עס די סאציאליסטישע וואוטערס טאן איינציגווייז, און די סאציאליסטישע פארטיי וועט אנווערען איהרע וואוטס און א סך פון איהרע סימפאטייזער.

* * *

איצטער לאָמיר בעטראַכטען די אויסזיכטען פון דער קומענדער עלעקשאַן פאַר פּרעזידענט. איך האָב אויסגערעכענט, דאָס מיט די וואוטס וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט בעקומען ביי דער לעצטער עלעקשאַן פאַר'ן קאָנגרעס קען זי האָבען אַ דעה, ווער זאָל זיין דער נעקסטער פּרעזידענט : אַ רעפּובליקאַנער אָדער אַ דעמאָקראַט. סלאָבאָדין זאָגט, אַז מיין רעכנונג איז פאַלש, ווייל איך האָב ניט גענומען אין אַנבעטראַכט דאָס ביי אַ פּרעזידענשאַל עלעקשאַן ווערען אָפּגעגעבען מעהרער וואוטס, אַלזאָ וועלען די סאָציאַליסטען גאָר ניט האָבען די „באַלאַנס אָוו פּאַוער“. ניו יאָרק, זאָגט ער, איז אין 1900 געגעאַנגען רעפּובליקאַניש מיט איבער 143,000 וואוטס, וואָס בעדייטען די 33000 וואוטס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ! ביי סלאָבאָדין, ווי איהר זעהט, איז שוין רוזוועלט פערזאָרגט מיט אַלע וואוטס, וואָס זיינען אָבגעגעבען געוואָרען פאַר מעק־קינלי מיט פיער יאָהר צוריק. איך קען אייך אָבער פערזיכערען, אַז רוזוועלט אַליין איז ביי זיך גאָר ניט אַזוי זיכער, אַז ער קען ציהען ניו יאָרק. וועהרענד די לעצטע דריי יאָהר איז די רעפּובליקאַנער מאַיאָריטעט געזינקען ; די פּאָליטישענס פון ביידע פּאַרטייען בעטראַכטען איצטער ניו יאָרק פאַר אַ צווייפעלהאַפטען סטייט. 33,000 וואוטס וואָלגערן זיך ניט אויף'ן גאַס ; עס איז אַ פּאָליטישע מאַכט, מיט וועלכע אי די רעפּובליקאַנער אי די דעמאָקראַטען מוזען זיך רעכנען. דאָס די רעפּובליקאַנער האָבען שטאַרק מורא פאַר דעם סאָציאַליסטישען וואוט פון מאַסאַטשוזעטס, בעווייזט דער לעצטער קאַמפּיין, וואו מאַרק האַננאַ אַליין האָט גענומען אַ'ן אינטערעסע אין די עלעקשאָנס און די ניישאָנאַל קאָמיטע פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי האָט אויסגעגעבען אַ סך געלד צו שלאָגען די סאָציאַליסטען. די ניישאָנאַל קאָמיטע מישט זיך ניט אין לאָקאַלע עלעקשאָנס, ווען עס האָט קיין שייכות ניט מיט דעם פּרעזידענשאַל קאַמפּיין ; דאָס איז דער בעסטער בעוויז אַז די 25,000 סאָציאַליסטישע שטימען פון מאַסאַטשוזעטס האָבען אַ בעדייטונג אין די אויגען פון די פּאָליטישענס. אין קאָלאָראַדאָ האָבען די סאָציאַליסטען אין 1902 געקראָגען אַרומע 7000 וואוטס, וועהרענד בריען האָט אין 1900 געהאַט 30,000 מאַיאָריטעט. פיר דאָס געוועזענע גיבט דער יודע ניקס, זאָגט דער טייטש, מאַלע וואָס איז געוועזען ! זינט יענער צייט האָבען די פּאָפּוליסטיש־דעמאָקראַטישע פיוזשאָניסטען אַנגעוואָרען דעם סטייט טאָקי דורך יענע 7000 וואוטס. מיט וואָס זיינען זיי זיכער, אַז זיי וועלען די 30,000 צוריקקריגען ? פאַר די פּאָליטישענס איז פּאָליטיקס אַזוי ווי קאָרטען־שפּיעל, אַ הויכע קאָרט, אפילו ניט טרומף, קען צוניץ קומען.

אין 1896 האָט די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אָנגענומען אין איהר נאַציאָנאַלער פּלאַטפאָרם אַ פּונקט געגען אינדזשאַנקשאָנס, דעם זאָגענאַנטען „דעבס פּלענק“. מיט דעם פּלענק האָבען די דעמאָקראַטען געוואָלט פאַנגען אַרבייטער־וואוטס... אַז איינע פון די צוויי פּאַרטייען וואָלט היינט נאָך גיכער גערן זיין נאָכצוגעבען עטוואָס דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, כדי צו קריגען די 280,000 סאָציאַליסטישע וואוטס פאַר איהר פּרעזידענט־קאַנדידאַט, איז קלאָר פאַר יעדען איינעם, וואָס איז עפּעס בעקאַנט מיט דעם כאַראַקטער פון די אַמעריקאַנישע פּאָליטישע פּאַרטייען.

מיר זיינען אַזוי צוגעוואוינט צו דעם נאָמען „קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען“ דאָס עס דוכט זיך אונז, דאָס די ביידע אַלטע פּאַרטייען זיינען ווירקליך פּרינציפּיעלע פערטרעטער פון דעם קאַפּיטאַליזמוס. אויב אַזוי, ווי קען די אַרבייטער־קלאַסע פון זיי עפּעס ערוואַרטען ?

אָבער, ערשטענס, איז גאָר ניט געזאָגט, אַז די אַרבייטער־קלאַסע קען ניט צווינגען אפילו אַ קלאַסענבעוואוסטע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטיי נאָכצוגעבען געוויסע פאָדערונגען. מיר האָבען דאָ אין אַמעריקא דעם געהיימען באַלאָט. ווער האָט איהם געגעבען, ווען ניט די אַלטע פּאַרטייען ? דאָס האָבען ביי זיי אויסגעדרונגען די נייטס אָוו לייבאָר, ווען זיי זיינען נאָך געווען שטאַרק. דאָס דער געהיימער באַלאָט איז אַ גאַנץ וויכטיגע וואָפע אין דעם פּאָליטישען קאַמפּף, בעזאָנדערס פאַר סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — דאָס וועלען, גלויב איך, אפילו מיינע אונקאָמפּראָמיסליכע געגנער אויך ניט לייקענען. אַנאַנדער ביישפּיעל איז דאָס געזעץ געגען די איינוואַנדערונג פון די כינעזער. דאָס די בעשרענקונג פון איינוואַנדערונג איז נאָך מיינער מיינונג נאָך רעאַקציאָנער און געגען די פּרינציפּען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון דער אַרבייטער־קלאַסע, איז ניט שייך צו דער זאַך. די אָרגאַניזירטע אַרבייטער האָבען געפּאָדערט, מען זאָל ניט אַריינלאָזען קיין ביליגע אַרבייטער פון כינא, ווייל זיי האָבען

מורא געהאט דאס די כינעזישע קאנקורענציע וועט ארונטערדריקען די ווייזשעס; פונקט אויס דעם גרונד זיינען די קאפיטאליסטען געווען זעהר שטארק געגען די בעשרענקונג פון איינוואנדערונג. אלע אייזענבאהן־לאיערס וואס זיצען אין סענאט אין וואשינגטאן זיינען געווען געגען דעם געזעץ. די רעפובליקאנער פארטיי, וועלכע איז איצטער אלמעכטיג און איז די פערטרעטערין פון די אינטערעסען פון דעם גרויסען קאפיטאל, האט אבער פארט ניט געוואגט צו שטימען אין קאנגרעס געגען דעם געזעץ. די קאפיטאליסטישע פארטייען זיינען געצוואונגען געווען נאכצוגעבען די ארבייטער. דערויף איז דא א פאלקס־רעגיערונג: ווען א גרויסער טהייל פון די וואוטערס פערלאנגט עפעס, מוזען די פאליטישע פארטייען נאכגעבען. א פאליטישע פארטיי אין אמעריקא איז פונקט ווי א לאיער: דינגט איהם א קאפיטאליסט געגען א יוניאן, וועט ער פייטען די יוניאן; דינגט א יוניאן געגען א קאפיטאליסט, וועט ער פייטען דעם קאפיטאליסט; ווער עס בעצאהלט איהם, יענעם דיענט ער. דערפאר קען מען אפטמאל ניט זיכער זיין פאראויס, אויף וועלכען זייט די אדער די אנדערע פארטיי וועט זיין אין א פרעזידענשאל־עלעקשאן. היינט שטעהט די רעפובליקאנער פארטיי פאר די טראסטס, און די דעמאקראטען זיינען געגען די טראסטס. אבער עס איז גאנץ מעגליך, אז ביי דער קומענדער קאנווענשאן אין שיקאגא זאלען זיך די רעפובליקאנער ערקלערען געגען די טראסטס, און די דעמאקראטישע קאנווענשאן זאל אריינפאלען אין די הענט פון וואל סטריט. טאמאני סטארעט זיך זעהר שטארק דערביי, און ווען זי זאל אויספיהרען, פערליערט די רעפובליקאנער פארטיי דעם גאנצען חן ביי די טראסט־מאגנאטען און קארפאריישאנס, און די דעמאקראטישע פארטיי קען גאר ווערען די פארטיי פון די טראסט. ענטוועדער איינע אדער די אנדערע פון די פארטייען וועט מוזען אנקומען צו די וואוטס פון די ארבייטער. געוועהנליך, כל זמן די ארבייטער זיינען ניט ארגאניזירט פאליטיש, קומט מען זיי אפ מיט א קלייניגקייט. א'ן ארגאניזירטע ארבייטער־פארטיי קען שטעלען איהרע אייגענע פאדערונגען. נאטירליך, ווען מען זאל פערלאנגען די „אפשאפונג פון לאהן־שקלאפעריי“ וועלען די פאליטישענס טויב ווערען. עס זיינען אבער פאראן זעהר וויכטיגע פאדערונגען וואס זיי קענען נאכגעבען: דאס רעכט צו סטרייקען, צו באיקאטירען, צו שטעלען פיקעטס, די געזעצליכקייט פון יוניאן־אגרימענטס, די אפשאפונג פון אינדזשאנקשאנס, די איניציאטיווע און דער רעפערענדום, מינאריטעטס־פערטרעטונג, אדער פראפארציאנאל־וואהלען. *)

* * *

די ארגאניזירטע ארבייטער הייבען אן צו פערשטעהן, אז זיי מוזען זיך אויך ארגאניזירען פאליטיש. אין סאן־פראנציסקא, אין אנטאניא און ברידזשפארט (קאנעטיקוט), זיינען ערוועהלט געווארען ארבייטער־מייארס. אין קאנגרעס זיינען צום ערשטען מאל פאראן צוויי יוניאן־ארבייטער פערטרעטער; אין מאנטאנא האט א יוניאן־ארבייטער פארטיי עלעקטעד עטליכע אסעמבלי־לייט; אין נאך א פאר פלעצער האבען די יוניאנס ארויסגעשטעלט זייערע קאנדידאטען. אין קאליפארניע האבען די סאציאליסטען פאראיאהרען אונטערשטיצט דיזע פאליטישע בעוועגונג פון די ארגאניזירטע ארבייטער; אבער די פארטיי האט פערדאמט דיזע האנדלונג, עס האט גאר ניט געהאלפען וואס אין לאס־אנדזשעלעס האט די יוניאן־ארבייטער פארטיי אפילו אנגענומען א'ן אויסגעשפראכענע סאציאליסטישע פלאטפארם, ווי מיר וועלען עס באלד זעהען.

וואס איז דער שכל דערפון? פארוואס זאל זיך די סאציאליסטישע פארטיי ניט פעראייניגען מיט א פארטיי פון ארגאניזירטע ארבייטער אויף א סאציאליסטישער פלאטפארם? די סאציאליסטישע פארטיי זאגט צו זיי: „מיר האבען שוין א פארטיגע פארטיי, שטימט פאר אונזערע קאנדידאטען, ענד ווי וויל דו דהי רעסט“. די ארגאניזירטע ארבייטער ווילען אבער אליין האבען א דעה, ווער עס זאלען זיין זייערע קאנדידאטען און וואס זאל זיין זייער פלאטפארם. זיי ענטפערן געוועהנליך, אז זיי וועלען איינבערופען א קאנפערענץ פון די יוניאנס און אנדערע קערפערשאפטען וואס וועלען מיטקעמפפען מיט די ארגאניזירטע ארבייטער,

*) דאס הייסט, אז יעדע פאליטישע פארטיי זאל בערעכטיגט זיין צו עלעקטען איהר טהייל קאנדידאטען. ווען, צום ביישפיעל, מאסאטשוזעטס שיקט 14 קאנגרעסלייט, זאל איין 14טער חלק פון די וואוטערס בערעכטיגט זיין צו איין קאנגרעסמען. מיט אזא סיסטעם וואלטען די סאציאליסטען פון מאסאטשוזעטס שוין ביי דער לעצטער עלעקשאן געקראגען איין קאנגרעסמען.

צו בעראַטהען זיך, צו זאָגען וואָס מען האָט צו
טאָן; די סאָציאַליסטען זיינען אויך איינגע-
לאַדען צו קומען און זאָגען זייער מיינונג. ווי
קען דאָס אַנדערס זיין? האָט דען די סאָציאַליס-
טישע פּאַרטיי אַליין ניט געהאַנדעלט פּונקט
אַזוי פאַר דער קאָנווענשאָן אין אינדיאַנאַפּאָליס?
די עקזעקוטיווע פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטי-
שער פּאַרטיי האָט ערקלערט אַז זיי זיינען וויל-
קאָמען אריינצוגעהן אין די סאָציאַלדעמאָקראַטי-
שע פּאַרטיי אַלס לאָקאַלס. זיי האָבען עס אָבער
ניט געוואָלט און זיי זיינען געוועזען גאַנץ גערעכט.
און די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז דאָך
שוין געוויס געוועזען אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי!
אָבער די זאָגענאַנטע „פּאָלקסצייטונגס-פּראַק-
ציאָן" פון דער ס. ל. פּ. איז בעשטאַנען דערויף
אַז איידער זי וועט זיך אַנשליסען צו דער סאָ-
ציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וויל זי האָבען
אַ דעה, ווי די פעראייניגטע פּאַרטיי זאָל זיין
אָרגאַניזירט און ווי עס זאָל לויטען איהר פּלאַט-
פאָרם. ווען די יוניאָנס בעשליסען צו געהען
אין פּאָליטיקס, קענען זיי אויך ניט אַנדערס
האַנדלען. דאָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי
זאָל ניט פערשטעהן אַזאַ איינפאַכע זאַך, וויל
איך ניט גלויבען. וואָס-זשע האַלט איהר אָפּ?
פּאַרטיי-פּאַטריאָטיזמוס שפּילט דאָ אַ געוויסע
ראָליע; די קשיא איז אָבער, אויף וואָס איז גע-
בויט דער פּאַרטיי-פּאַטריאָטיזמוס ביי דער סאָ-
ציאַליסטישער פּאַרטיי? די אמת'ע צרה איז די
אונקאָמפּראָמיסליכע טאַקטיק, זי דערלאָזט ניט
די סאָציאַליסטען צו פעראייניגען זיך מיט
טרייד יוניאָניסטישע פּאַרטייען, מעג עס אפילו
זיין אַ סאָציאַליסטישע פּלאַטפאָרם ווי אין
לאָס אַנדזשעלעס. די טרייד-יוניאָניסטען געהען
אין פּאָליטיקס, ווייל זיי ווילען פערבעסערן
זייער לאַגע היינט, ניט בשעת דער סאָציאַליס-
טישער משיח וועט קומען. ווי באַלד עס אָרגאַ-
ניזירט זיך אַ טרייד-יוניאָניסטישע פּאַרטיי,
הייבט אָן ביי די פּאָליטישענס צו ציטערן די
הויט, און ענטוועדער איין פּאַרטיי אָדער די אַנ-
דערע קומט אַנשלאָגען זיך מיט אַ'ן אינדאָרס-
מענט פון דעם ארבייטער-קאַנדידאַט. אַ טרייד-
יוניאָניסטישע פּאַרטיי זאָגט געוועהנליך:
„איהר ווילט אונטערשטיצען אונזער קאַנדידאַט?
גאַנץ גוט". די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מיט
איהר טאַקטיק מוז אונטער אַזעלכע אומשטענדען
באַלד ווערען אויס חבר מיט דער טרייד-יוניאָ-
ניסטישער פּאַרטיי. טרייד-יוניאָניסטען געהען
ארויסשטעלען זייערע קאַנדידאַטען, די סאָציאַ-
ליסטען נאָמינירען געגען-קאַנדידאַטען. אויב די
טרייד-יוניאָניסטען האָבען אַ טשאַנס אימיצען
צו עלעקטען, מוז עס מאַכען אַ שנאה צווישען
די אָרגאַניזירטע ארבייטער און דער סאָציאַליס-
טישער פּאַרטיי.

פון וואַנען-זשע וועלען זיך נעהמען די סאָ-
ציאַליסטישע וואָוטס? איהר קענט געפינען אַ
סך אידעאַליסטיש-געזאָנענע מענשען וואָס זאָ-
לען זיין אַזוי פאַרטאָן אין סאָציאַליסטישען עולם
הבא, דאָס זיי זאָלען גאָר פערגעסען אָן דער קאַ-
פּיטאַליסטישער עולם הזה. די מאַסע וואָו-
טערס מעגען סימפּאַטיזירען מיט דעם סאָציאַ-
ליזמוס, זיי נעהמען אָבער אַ'ן אינטערעס אין די
טאָגעספראַגען אויך. שטימען פאַר די סאָציאַ-
ליסטישע פּאַרטיי קומט ביי זיי אויס אַזוי ווי
„ארויסוואַרפען זייער וואָוט".

זיינען זיי אין גאַנצען אונגערעכט? האָט
דען די ארבייטער-קלאַסע גאָר קיין אינטערעסע
ניט אין דעם וואָס עס טהוט זיך אין דער פּאָלי-
טיק פון לאַנד? מיט פיער יאָהר צוריק האָט
דעבס געשריעבען, אַז דער אימפּעריאַליזמוס איז
אַ פראַגע וואָס געהט גאָר די ארבייטער ניט אָן.
איצטער הייבט מען שוין אָן צו פערשטעהן צוויי-
שען די סאָציאַליסטען, אַז אימפּעריאַליזמוס
געהט האַנד אין האַנד מיט מיליטאַריזמוס און
דאָס דער מיליטאַריזמוס שמידט צוזאַמען נאָך
שטאַרקער די קייטען פון דער ארבייטער-קלאַסע.
אונטער דעם נייעם מיליטערישען געזעץ האָט
דער פּרעזידענט אונטער זיין קאָמאַנדאָ די מיליץ
פון גאַנץ יונייטעד סטייטס, דאָס הייסט אַ'ן ערך
פון אַ האַלבען מיליאָן סאָלדאַטען, און ער קען
זיי שיקען פון איין סטייט אין דעם אַנדערען.
מען מאַכט גאָר קיין סוד ניט דערפון אַז דאָס
איז געציעלט געגען די אָרגאַניזירטע ארבייטער.

עס געפינען זיך אַ סך וואָוטערס וואָס סימ-
פּאַטיזירען טאַקי מיט דעם סאָציאַליזמוס, אָבער
עס איז זיי גאָר ניט אַלץ איינס צי די שטאָדט
ניו יאָרק זאָל ליגען אין די הענט פון אַ באַנדע
גנבים און קאָרטעוואָניקעס, אָדער זי זאָל האָבען
אַ'ן עהרליכע שטאָדט-פערוואַלטונג. זייערע
וואָוטס קען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי נור דאַן
בעקומען, ווען זיי וועלען דאַדורך ניט אָנווערען
זייער שטימע אין די טאָגעספראַגען און ווען זיי
וועלען זעהן, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי
האָט איין אויסזיכט עפּעס אויסצופיהרען אויף
ד ע ר וועלט, ניט אויף יענער וועלט.

פיוזשאָן איז דער איינציגער וועג, אויף

וועלכען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי קען געווי־
נען זייערע שטימען.

* * *

אַ קריטיקער פון ,,פאָרווערטס" מיינט אַז
איך טשעפּע זיך אומזיסט צו דער סאָציאַליסטי־
שער פּאַרטיי. איך האָב דאָך אַליין צוגעגעבען,
אַז אויב מען ריכט זיך אויף אַ סאָציאַלע רעוואָ־
לוציאָן איז די אונקאָמפּראָמיסליכע טאַקטיק
גאַנץ ריכטיג; טו וואָס־זשע וויל איך כל זמן די
סאָציאַלדעמאָקראַטיע פון אַלע לענדער שטעהט
אויף דעם רעוואָלוציאָנערען באָדען פון מאַרקס
און ענגעלס? עס איז פּונקט אַזוי ריכטיג ווי ווען
מען זאָל זאָגען, אַז די אידען קלויבען זיך איין
1905 נאָך ארץ ישראל, ווייל זיי זאָגען ביי'ן
דאַווענען: לשנה הבאה בירושלים. מאַרקס און
ענגעלס האָבען געשריבען דעם ,,קאָמוניסטי־
שען מאַניפעסט" אַ פּאָר מאָנאַטען פאַר דער רע־
וואָלוציאָן פון 1848. דעמאָלט האָט די אַרביי־
טער־קלאַסע אין ערגעץ ניט געהאַט פּאָליטישע
רעכטע. דעמאָלט זיינען ניט נאָר די סאָציאַ־
ליסטען, נור די בורזשואַזנע דעמאָקראַטען אויך
געווען רעוואָלוציאָנער. אַ ברירה האָבען זיי גע־
האַט! זינט יענער צייט אָבער איז אַוועק מעהר
ווי אַ האַלבער יאהרהונדערט. די אַרבייטער־
קלאַסע האָט אין אַלע וויכטיגע לענדער בעקומען
שטימרעכט, און היינט־צו־טאָג ליגט קיין סאָ־
ציאַליסטען אין זינען צו קאָנספּירירען און פּלאַ־
נעווען אַ ,,סאָציאַלע רעוואָלוציאָן". די קאַטאַ־
סטראָפען טהעאָריע שטימט שוין ניט מיט דער
פּראַקטישער אַרבייט פון דער אייראָפּעאישער
סאָציאַלדעמאָקראַטיע. דאָס איז ניט היינט גע־
וואָרען, עס געהט שוין אַזוי זינט די דייטשע
סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט צום ערסטען מאָל
ערוועהלט איהר פערטרעטער צום רייכסטאַג.
פּאַלמאָר האָט עס גאַנץ קלאָר בעוויזען אויף דעם
דרעזדענער פּאַרטיי־טאָג. די רעוויזיאָניסטען ווי־
לען נאָר אַז די סאָציאַלדעמאָקראַטיע זאָל ענד־
ליך האָבען דעם מוטה צו בעקענען זיך צו דעם
וואָס זי איז. די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע
פּאַרטיי איז היינט די איינציגע(?) וואָס גלייבט
נאָך אין אַ ,,סאָציאַלע רעוואָלוציאָן"...

אין מיינע אַרטיקלען אין דער ,,צוקונפט"
וועגען טראַסטס און אין אַ סעריע אַרטיקלען אין
,,פאָרווערטס" האָב איך בעוויזען אַז די ,,סאָציאַ־
לע רעוואָלוציאָן" וועט אויסגעפיהרט ווערן אויף'ן
,,אינסטאַלמענט פּלאַן", און ניט אַליין דורך די
אַרבייטער־קלאַסע. די אייזענבאַהנען, די קאָה־
לען־גרובען, די גאַז־קאָמפּאַניעס, די סטריט־
קארס, דער פלייש־טראַסט, די טעלעפאָנס, דער
טעלעגראַף און אַזוי ווייטער וועלען איינע נאָך
די אַנדערע איבערגענומען ווערען פון דער רע־
גיערונג. אין דעם וועט די מיטעל־קלאַסע נעה־
מען די איניציאַטיווע. די יוניאָן וועלען אויס־
פיהרען, אַז זיי זאָלען אַנערקענט ווערען פון דעם
געזעץ; די אַרבייטס־צייט וועט פערקירצט ווע־
רען; וויידזשעס וועלען רעגולירט ווערען דורך אַ
רעגיערונגס־קאָמישען, וואו די יוניאָנס וועלען
זיין דירעקט פערטראַטען פון זייערע דעלעגאַ־
טען; דער שטאַאַט וועט זאָרגען פאַר אַרבייטער
וואָס געהען אַרום ליידיג; די איניציאַטיווע און
דער רעפערענדום און מינאָריטעטס־פערטרעטונג
וועלען געבען דער אַרבייטער־קלאַסע אַ דעה אין
דער געזעצגעבונג. די אַלע זאַכען וועלען ניט
אַראָפּפאַלען פון הימעל. מען וועט מוזען קעמ־
פען יאהרען־לאַנג פאַר יעדער פון זיי בעזונדער.
יעדע געוואונענע אַרבייטער־פאָדערונג איז אַ
שטיקעל סאָציאַליזמוס.

יצחק אייזיק בן אריה צבי.

# דער סך־הכל

(דער מאָטיוו איז טהיילוויז נאָך שיללער'ס „רעזיגנאַציאָן".

געשלאָסען דאָס בוך, דער סך הכל געמאַכט,
דיא אונטערשטע שורה צוזאַממענגעבראַכט,
מיין בוך איז מיט חובות באַשריבען,
דער שיקזאַל מיין שולדנער ערקלערט זיך באַנקראָט,
פון אַלס וואָס מיין יוגענד פאַרשפּראָכען מיר האָט,
איז הארץ־ווייטאָג בלויז מיר געבליבען...

מיין גורל — איך אָהב איהם געצויגען שוין לאַנג
און האָב אויף מיין הוב אַ צעטטעל אַ בלאַנק
געכאַפּט אין דער ציהונג פון לעבען;
דאָך האָב איך געטרייסט זיך, געהאָפט און געוואַרט
זיך שטאָלץ מיט מיין שוואַרצער מערכה געשפּאַרט
זיך קיינמאָל ניט אונטערגעגעבען...

איצט גיב איך זיך איבער מיין שיקזאַל אין פלען,
צי טייפעל צי גאָטט לאָז זיין ווילען געשעהען,
איך בייג זיך פאַר איהם מיט אַ ציטטער,
און שמייסט מיך זיין בייטש מיט אכזריות, איך האָף
אַז גיכער צו שפּעטער וועט קוממען דער סוף,
ווענן כ'וועל ניט מעהר פיהלען דיא ריטטער...

געשלאָסען דער פּנקס, סך הכל געמאַכט,
דאָס הארץ איז געבראָכען, דער מח פאַרשוואַכט,
דאָס בלוט נעהמט פאַמעליך פאַרפריהרען...
דאָך לעבט נאָך דער דמיון און וועבט אין דער שטילל
און האָב איך אין לעבען עררייכט ניט דעם ציעל,
ער עפענט מיר יענע־וועלט טיהרען...

דאָרט — זאָגט ער — באַצאָהלט מען איין איטליכע שולד
און גיט נאָך פּראָצענט דעם וואס וואַרט מיט געדולד
עס געהט ניט קיין פרוטה פערפאַלען;
דער פריהלינג פון לעבען וואס לאַנג איז פאַרביי,
דאָרט בליהט ער און דופטעט אַרוים פון דאָס־ניי
נאָך רייכער אין בלומען און שטראַהלען...

„אַ כח הדמיון, דיין טרייסט וואס דו גיסט
דיא זיסע נחמות, זיי זיינען אומזיסט!
דו קענסט מיר קיין גליקען ניט מאָלען:
עס האָט מיך דער שיקזאַל אַלס קרבן געוועהלט
און דעם וועמען ער האָט אויף דער וועלט פערטיילט,
ניט וועט ער דעם חוב מעהר באַצאָהלען...



דענווער, קאָלאָ.

יהואש.




# א בליק אין דיא צוקונפט (*

,,דעם סאָציאַליזמוס געהערט דיא צוקונפט, דאָס הייסט אין ערשטער ליניע דעם אַרבייטער און דער פרוי.“ — אויגוסט בעבעל.

אקוק געבענדיג אויף דער איבערשריפט, וועט דער לעזער אודאי מיינען, אז איך וועל איהם דאָ מאָהלען ניט נאָר דיא פּאָליטישע און עקאָנאָמישע צושטענדע אין דער צוקינפטיגער סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, נאָר אפילו וויא און וויעפיעל יעדער פּערזאָן וועט ארבייטען, וויא מען וועט געהען געקליידעט, וויא און וואָס יעדער וועט עסען, ווען ער וועט זיך לייגען און ווען ער וועט אויפשטייהען, ווער עס וועט מוזען פּוצען דיא שטיוועל און ווער וועט פיגורירען אלס פּרעזידענט; בקיצור ער וועט ערוואַרטען צו געפינען א גענויע שילדערונג פון לעבען אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וויא דאָס איז שוין אָפט געטהאָן געוואָרען פון אוטאָפּיסטישע שרייבער. ער וועט זיך אָבער שטאַרק טועה זיין, ווען ער וועט זוכען זאָ וואס אין מיין ארטיקעל.

ניט נאָר איך — א פּראָסטער בשר ודם'ניק — נאָר אפילו אונזערע גרויסע לעהרערס האָבען קיין מאָל ניט גענומען אויף זיך דיא ראָלע פון א נביא; דען צו בעשרייבען דיא איינצעלהייטען און אפילו אין אלגעמיינעם, וויא דיא מענשען וועלען לעבען אין דער צוקינפטיגער געזעלשאַפט. הייסט פשוט זאָגען נביאות. דער סאָציאַליזמוס איז אָבער א וויסענשאַפט אזוי וויא א נאַטור־וויסענשאַפט, וויא ביאָלאָגיע, וויא כעמיע, וועלכע בויען זייערע טעאָריען אויף עקספּערימענטען, אויף פאקטען און ניט אויף איינבילדונגען. דאָס איינציגע וואָס מיר קענען און דארפען טהאָן איז: גוט נאָכצופאָרשען און שטודירען דיא עקאָנאָמישע און סאָציאַלע צושטענדע פון דער פערגאַנגענהייט און געגענוואַרט און פון זיי נאָר ציהען שליסע, וואָס פיר א ר י כ ט ו נ ג דיא ענטוויקלונג וועט אנעהמען אין דער צוקונפט. זאָגען מעהר איז גאַנץ דאָסזעלבע, וויא צום ביישפּיעל, ווען איך וואָלט אייך וועלען בעשרייבען, וויא דאָס קינד, וועלכעס איז נאָך ניט געבאָרען געוואָרען, וועט אויסזעהען: צו וועט עס זיין

---

*) דיא הויפּט קוועלע פיר דיזען ארטיקעל זיינען:

קאָרל קאוטסקי: ”דיא סאָציאלע רעוואָלוציאָן,“ ”אַ טאָג נאָך דער סאָציאלען רעוואָלוציאָן,“ ”די קלאַסענגעגענזעצע פון 1789,“ ”דער ערפורטער פּראָגראם“.

אויגופּט בעבעל: ”דיא פרוי און דער סאָציאליזמוס“, ,,אונזערע ציעלע.“

ווילהעלם ליעבקנעכט: ,,וואָס דיא סאָציאל דעמאָקראטען זיינען און וואָס זיי ווילען.“

פּויל קאמפּפמייער: ,,איז דער סאָציאליזמוס מיט דער מענשליכען נאַטור פעראייגבאר?“ ,,וואוהין שטייערט דיא עקאָנאָמישע און שטאַאטליכע ענטוויקלונג?“

זשאָן זשאָרעס: ,,אוים טהעאָריע און פּראַקסיס.“

וואנדערוועלדע: ,,דיא ענטוויקלונג צום סאָציאַליזמוס.“

ענריקאַ פּעררי: ,,סאָציאַליזמוס און דיא מאָדערנע וויסענשאַפט.“

הערבערט ספּענסער: ,,דאַטאַ אָף עטהיקס.“ ,,דיא קינפטיגע שקלאוועריי.“

שטאַרק אָדער שוואַך, שעהן אָדער מיאוס, קלוג אָדער דום.

שטעלט זיך פאַר, ווען דיא גייסטליכע און דיא אָדעליגע בעפאָר דיא גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן וואָלטען אַ פרעג געטהאָן דיא דאַמאַלסדיגע רעוואָלוציאָנערען פון דער „דריטער קלאַסע“ (דיא איצטיגע בורזשואזיע): „זאָגט אונז אַקאָרשט, וויא וועט אויסזעהען אייער צוקינפטיגע געזעלשאַפט?“ ווי מיינט איהר, וואָלט אַ מענש אפילו מיט דיא גרעסטע פאַנטאַזיע געקענט אויסמאָהלען דאָס, וואָס אין דעם יאָהר הונדערט זיינען — אין אלע צווייגען פון מענשליכען לעבען — אויפגעטהאָן געוואָרען און טאַקי דורך דיא בורזשואזיע? היינט וויא באַלד זאָ פיעל איז אויפגעטהאָן געוואָרען אין פאָריגען יאָהר־הונדערט, קענען מיר מיט בעשטימטהייט זאָגען, אז אין דער צוקונפט וועלען דיא עקאָנאָמישע צושטענדע צווינגען צו מאַכען נאָך פיעל מעהר ערפינדונגען און ענטוויקלונגען. מיר ווייססען, אז יעדע נייע ערפינדונג, יעדע ענטדעקונג זייענדיג אַ רעזולטאַט פון עקאָנאָמישע צושטענדע, ווירקען ווייטער: זיי ענדערען דיא עקאָנאָמישע צושטענדע פון דער געזעלשאַפט און דורך דעם ווערען אויך געענדערט דיא בעציהונגען פון דיא מענשען איינע צו דיא אַנדערע. מיט איין וואָרט, עס ענדערט זיך דיא סאָציאַלע סטרוקטור (געבוי) פון געזעלשאַפט. היינט, אום אייך צו בעשרייבען, וויא דיא מענשען וועלען לעבען אין דער צוקינפטיגער געזעלשאַפט, וואָלט איך צוערשט געמוזט אייך אויסרעכענען, וועלכע ענטדעקונגען און ערפינדונגען עס וועלען אין דער צוקונפט געמאַכט ווערען.

איין זאַך קענען מיר אָבער מיט ב ע ש ט י מ ט ה י י ט זאָגען, און דאָס איז אז דיא צוקינפטיגע געזעלשאַפט וועט געוויס ב ע ס ע ר איינריכטען איהר לעבען, וויא דיא איצטיגע, אז פריוואַט־אייגענטהום אויף לאַנד, מאַשינען און אויף אַלע מיטלען, פון פראָדוקציאָן וועלען פערוואַנדעלט ווערען אין קהל׳שע אייגענטהום. דיא איצטיגע סאָציאַלע צושטענדע פיהרען דערצו מיט דיא נאָטהווענדיגקייט פון נאַטורגעזעץ. אין דעם צווייפעלט קיינער ניט מעהר, ווער עס האָט נאָר אונפּאַרטייאיש שטודירט דיא היינטיגע עקאָנאָמישע צושטענדע.

אַלזאָ, דער הויפט ציעל פון דעם אַרטיקעל וועט זיין, ניט אזוי צו בעשרייבען וויא מענשען וועלען לעבען אין דער צוקונפט, נאָר וויא צוריקצו־ווייזען דיא בלבולים, וועלכע דיא קאַפּיטאַליסטישע שרייבער־קנעכט זוכען אויף אונז ארויפצו־וואַרפען און צו פערשפּרייטען אונטער דיא מאַסען, כדי זיי אָפּצושרעקען און צוריק צו האַלטען פון סאָציאַליזמוס. וויא ווייט דאָס וועט מיר געלינגען, זאָלען דיא לעזער אורטהיילען, נאָר איין זאַך וואָלט איך וועלען בעטען: פאַלס מיינע בעווייזע וועלען זיין צו שוואַך אָדער זאָגאָר פאַלש, איז אין דעם שולדיג ניט דער סאָציאַליזמוס, נאָר מיין פערזאָן.

* * *

איך נעהם אָן, אז דער לעזער פון „צוקונפט“ איז אזוי פיעל ענטוויקעלט און בעקאַנט מיט דיא סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, אז ער פערשטעהט, דאָס דער סאָציאַליזמוס איז ניט אויסגעקלערט פון דיא אָדער יענע קלוגע קאָפּ, אז ניט לאַסאַל, ניט ענגעלס און ניט אפילו קאַרל מאַרקס האָבען ב ע ש א פ ע ן דעם סאָציאַליזמוס, נאָר זיי האָבען אונז בלויז ערקלערט און בעוויזען דאָס, וואָס עס עקזיסטירט שוין אין דער ווירקליכקייט; זיי האָבען בעוויזען, אז פאַר אונזערע אויגען געהט פאָר אַ געשיכטליכע בעוועגונג, וועלכע פיהרט נ אַ ט ו ו ע נ ד י ג ע ר ו ו י י ז ע צום סאָציאַליזמוס. דער לעזער פערשטעהט אויך אז עבענזאָ ווייניג וויא אַ ווילהעלם, אַ ניקאָלאַי דער צווייטער, אַ פאָן פּלעווע קענען ניט צוריק האַלטען דיא עוואָלוציאָן, וועלכע פיהרט צו דער סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, גראַדע אזוי ווייניג קען מען אויף אַ קינסטליכען אופן פאַר דיא צייט ניט ארויסרופען אַ רעוואָלוציאָן, וועלכע זאָל האָבען איין ערפאָלג. דען „איינע רעוואָלוציאָן צו וועלען מאַכען, בעמערקט גאַנץ ריכטיג לאַסאַל, איז דומהייט פון אונרייפע מענשען, וועלכע האָבען קיין אהנונג ניט פון דיא געזעצען פון דער געשיכטע“*)

דאַרום קענען מיר רעכענען, אז נאָך ניט היינט און ניט מאָרגען וועט דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן איינטרעטען. אמת, עס ווערט איצט געאַרבייט וויא אויף עלעקטערי, אום דיא רעוואָלוציאָן וואָס גיכער ארויסצורופען: פון איין זייט דיא קאָנצענטראַציאָן פון קאַפּיטאַל אין וואָס ווייניגער הענד, פון דער אַנדער זייט דיא ענטוויקלונג פון דיא אַרבייטער, זייער פעראייניגען זיך אין גוט דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציאָנען, זייער קומען צום בעוואוסטזיין, אז עס עקזיסטירט אַ ק ל אַ ס ע ן ק אַ מ פּ ף, ברייננגען אונז אַלץ נעהנטער און נעהנטער צו דעם טאָג,

---

*) 1טע באַנד, זייטע 242

ווען דער איצטיגער געזעצליך־אנערקענטער רויב־סיסטעם וועט אפגעשאפט ווערען און עס וועט אנהייבען צו הערשען אן ארדנונג, וואו דער גרעסטער טהייל פון דער געזעלשאפט וועט ניט לעבען בלויז, אום צו ארבייטען, נאר מען ווערט א ר ב י י ט ע ן  א ו ם  צ ו  ל ע ב ע ן; אן ארדנונג וואו דער הונגער וועט ניט זיין דער לוין פאר ארבייט, וויא דאס איז איצט, נאר ער וועט זיין א  ש ט ר א ף  פאר ניט ארבייטען...

דאס אלעס, רעכען איך, איז דעם לעזער גראדע אזוי גוט בעקאנט וויא מיר, און דארום וויל איך, וויינינגסטענס אין דעם ארטיקעל, מעהר ניט מאריך זיין וועגען דעם; איך נעהם אלזא אן, אז דיא סאציאלע רעוואלוציאן איז איינגעטרעטען און דיא פראלעטאריער האבען געקראגען דיא פאליטישע און עקאנאמישע מאכט מיטעל אין זייערע הענד.

* * *

„איהר מיינט אפשר, זאגט מען אונז, אז ווען דיא ארבייטער וועלען ווערען דיא „פיהרער“, וועט מען אנהויבען בעסער צו לעבען? עס הייבט זיך גאר ניט אן, עס וועט נאך זיין פיעל־פיעל ערגער. מיר ריידען שוין ניט וועגען דעם, אז דאס וועט זיין א לעבען פון א קאזארמע, פון א תפיסה, א לעבען, וואו יעדער וועט  מ ו ז ע ן  אזוי פיעל און אזוי לאנג ארבייטען, וויפיעל און וויא לאנג מען וועט איהם הייסען; מיר ריידען אויך ניט מכח דעם, אז דאס וועט זיין א לעבען פון מאגען, אבער ניט פון קאפ, דען וועמען וועט דאס איינפאלען צו זארגען וועגען וויסענשאפט, קונסט, ליטעראטור וועגען ערפינדונגען אדער ענטדעקונגען? אפילו דאס וואס עס איז מיט אזוי פיעל אפפער אויפגעטהאן געווארען וועט אויך פערניכטעט ווערען און דיא מענשען וועלען זיך צוריקקעהרען צו א צושטאנד פון בארבאריי. אבער דיא פרייהייט, דיא היילינע פרייהייט, — דיא פרייהייט, וועלכע האט געקאסט אזוי פיעל קרבנות, דיא בעסטע מענשען האבען איהר מיט זייער לעבען געקויפט! ווען עס וועט זיך אנהייבען דיא הערשאפט פון דיא אכלאקראטיע (דיא הערשאפט פון המון), וועט פון איהר ווערען א תל עולם! עס וועט הערשען א פיעל ערגערער דעספאטיזמוס, וויא אין רוסלאנד אדער טירקיי! וויטער: איהר ווילט דאך  מ א כ ע ן  אלע מענשען  ג ל י י ך, היינט, זאגט אונז, ווער וועט טהאן דיא אלע שווערע, שמוציגע און געפעהרליכע ארבייט? ווער וועט  א ה נ ע  צ ו ו א נ ג  א י ב ע ר ה ו י פ ט  וועלען ארבייטען? איהר זאגט, אז ביי אייך וועט מען ארבייטען נאר א 3—4 שעה אין טאג, היינט פון וואנען וועט איהר נעהמען אלעמען צו ערנעהרען און צו בעקליידען, אז יעצט, ווען מען ארבייט 10—12 און אפילו 14 שעה, קלעקט אויך ניט פיר אלעמען, א פשיטה שוין, מען וועט ארבייטען א דריטעל אדער זאגאר א פיערטעל דערפון? אום ביי אייך זאל הערשען ארדנונג וועט איהר מוזען אנווענדען ענטוועדער נאך פיעל גרעסערע מחנות פון פאליציי, זשאנדארמען און שפיאנען, וויא אין רוסלאנד, אדער אייערע מענשען וועט לען זיך מוזען האבען בערוואנדעלט אין מלאכים. בקיצור אז עס זאל אייך שוין יא געלינגען ווען ניט איז איינצוריכטען א סאציאליסטישע געזעלשאפטס ארדנונג, וועט דאס צוגלייכער צייט זיין אייער טאדעסאורטהייל, דען איהר וועט זיך אויפעסען איינע דיא אנדערע וויא שפינען, וועלכע זיינען צוזאמען געבראכט אין איין גלעזעל.“

דיא און הונדערטע עהנליכע בעשולדיגונגען ווערען געגען אונז ערהויבען. ניט נאר דיא מאסע, נאר אפילו אונטער דיא גענאסען זיינען פערהאנדען אזעלכע, וועלכע מיינען, אז וויינינגסטענס א טהייל פון דיא בעשולדיגונגען זיינען ריכטיג. מיין אויפגאבע וועט דארום זיין צו ווייזען, אז אלע בעהויפטונגען פון קאפיטאליסטען געגען סאציאליזמוס זיינען גרונד פאלש.

---

## ערשטער קאפיטעל.

„אללעס, וואס דער פראלעטאריער
קען פערלירען — איז זיינע קייטען;
ער האט אבער צו געווינען א גאנצע
וועלט.“ (*)

איידער איך וועל איבערגעהען צו בעווייזען, וויא פאלש עס זיינען דיא בעהויפטונגען, אז דער סאציאליזמוס וועט פיהרען צו שקלאווערייא, וויל איך אויפמערקזאם מאכען דעם לעזער אויף צוויי געזעצע, וועלכע זיינען אנערקענט פון דיא וויסענשאפט.

דער ערשטער פון זיי איז א געזעץ, וועלכער הערשט אין דער נאטורוויסענשאפט, און ביאלאגיע וויא אויך אין סאציאלאגיע. דער געזעץ בעשטעהט אין דעם, אז יעדע נייע שטופע אין דער עוואלוציאן פון נאטור, וויא אויך אין סאציאלען לעבען פערדארבט ניט, שאפט ניט אפ, פערניכטעט ניט, נאר  ב ע ה א ל ט  אלעס דאס,

---

*) דער קאמוניסטישער מאניפעסט.

וואָס אין דיא פריהערדיגע שטופע פון עוואָלוציאָן איז געווען גוט, ניצליך, לעבענספעהיג. בלויז דאָס, וואָס עס איז קראַנק, פערפוילט, שעדליך, לעבענס־אונפעהיג, בעזיצט קיין לעבענסקראַפט זיך ווייטער צו ענטוויקלען — בלויז דאָס ווערט אָפּגעשאַפט און פערניכטעט. יעדער, ווער עס איז בעקאַנט מיט דער געשיכטע פון דיא מענשהייט ווייסט, אַז דיא ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט איז געגאַנגען אויף דיעזען וועג. דיא מענשען האָבען איבערגענומען אַלע ניצליכע איינריכטונגען פון דיא פריהערדיגע ציוויליזאַציאָן און געזוכט זיך ווייטער צו ענטוויקלען.

אַלזאָ, דערפון אַליין איז שוין געדרונגען, אַז אַלעס ניצליכעס וואָס דיא בורזשואַזיע האָט אויפגעטהאָן, דאַרונטער נאַטירליך אויך דיא פּאָליטישע פרייהייט, וועלכע עקזיסטירט איצט, וועט א ו ד א י ניט אָבגעשאַפט ווערען, נאָר, וויא מיר וועלען עס ווייטער זעהען, וועט זיא זיך פערוואַנדלען אין איין א מ ת'ע פרייהייט פיר א ל ע מ ע ן און ניט בלויז פיר דיא הערשענדע קלאַסע.

דער צווייטער געזעץ בעשטעהט אין דעם, אַז דער מענש איז אַ פּראָדוקט פון דער אומגעבונג, פון דיא אומשטענדען און פון דער צייט, אין וועלכער ער לעבט. ניט נאָר זיין בענעהמען זיך, זיינע אַנזיכטען, זיין מאָראַל, אפילו זיינע אידעען היינגען אין גאַנצען הערפון אָפּ. דען אידעען שפּרינגען ניט אריין אין קאָפּ פון דער לופט, נאָר זיי זיינען „אַ פּראָדוקט פון געזעלשאַפטליכען לעבען, פון געזעלשאַפטליכען צוזאַמען ווירקען*).“ אַ מאַרקס, אַ ספּענסער, אַ דאַרווין האָבען ג ע מ ו ז ט דיינקען גאַנץ אַנדערס, וויא אַ סאָקראַטעס, אַ פּלאַטאָ, איין אַריסטאָטעל.

דער לעזער וועט איצט לייכט פערשטעהען, וואָרום אזעלכע געניאַלע דיינקער וויא דיא דריי לעצטע, האָבען פערטיידיגט און געפונען ניט נאָר פאַלשטענדיג אין אָרדנונג, נאָר האָבען געמיינט, אַז אַנדערס קען גאָר ניט זיין, אַז עס מ ו ז ע ן עקזיסטירען פרייע אַריסטאָקראַטען, וועלכע זאָלען זיך בעשעפטיגען מיט וויסענשאַפט און קונסט, און שקלאַווען, וועלכע האָבען צו מאַכען אַלע אַרבייט און צו שאַפען מיטעל, אַז דיא אַריסטאָקראַטען זאָלען קענען לעבען בכבוד און אין לוקסוס. דען אין דער צייט, ווען דיעזע געניאַלע גריכישע פילאָזאָפען האָבען געלעבט, האָט אין גריכענלאַנד געהערשט שקלאַווערייַ. דיעזע טיעפע דיינקער האָבען זיך בשום אופן ניט געקענט בעפרייען פון דיא אַנזיכטען, וועלכע האָבען געהערשט צו יענער צייט, פון דיא אומגעבונג, אין וועלכער זיי האָבען געלעבט — אַז עס קען גאָר עקזיסטירען אַ געזעלשאַפטליכע אָרדנונג אָהן שקלאַווען. אזוי שטאַרק איז דיא ווירקונג פון דיא אומגעבונג און פון דיא צייט, אין וועלכע אַ פערזאָן לעבט.

לאָמיר נעהמען נאָך אביישפּיעל. ניט נאָר אַ ציוויליזירטער מענש, נאָר אפילו א רוסישער פויער בעטראַכט פּאָליגאַמיע (פיעל ווייבעריי) אַלס עטוואָס ווילדעס. נעהמט אָבער דעם געבילדעסטען טערק, געפינט ער, אַז האָבען פיעל ווייבער, איז פאָלשטענדיג אין אָרדנונג. דאָסזעלבע איז אויך אין בעצוג אויף מאָראַל: ביי אַלע אייראָפּעער וויא אויך ביי דיא אַמעריקאַנער טויטען דיא אייגענע עלטערען ווערט בעטראַכטעט אַלס דאָס גרעסטע פערברעכען; עס זיינען אָבער פערהאַנדען פעלקער, וויא צום ביישפּיעל אויף דעם אינזעל סומאַטרא, אָדער אין סענטראַל אַפריקאַ, וואו דיא נאַהרונגס־מיטעל זיינען גאַנץ קלעגליכע, זאָ דאָס אַלטע עלטערען פאַלען צו לאַכט, איז האָרט קוילענען דיא אייגענע טאַטע־מאַמע און זיי אויפעסען גאָר א הייליגע זאַך, אַ געבאָט פון זייער רבונו של עולם. דער זעלבער צושטאַנד האָט אויך געהערשט אין דיא פּאָרהיסטאָרישע צייטען אין אייראָפּאַ און אין אַמעריקאַ.

אַלזאָ, ווען דיא עקאָנאָמישע צושטענדע ענדערען זיך, ענדערען זיך צוזאַמען מיט זיי אויך דיא בעציהונגען פון דיא מענשען איינע צו דיא אַנדערע, עס ענדערען זיך זייערע אַנזיכטען, זייער מאָראַל, זייערע אידעען.

(פאָרטזעצונג פאָלגט).   ד"ר. איזאַאַק אָרטמאַן.

*) אויגוסט בעבעל, „דיא פרוי און דער סאָציאַליזמוס.“

# מאַקס נאָרדוי איבער סאָציאַליזמוס

ערנסטע געדאַנקען, אָבער־פלעכליכע בעמערקונגען שאַרפזיניגע אייסערונגען און ווידערשפּריכע, וועלכע זיינען מייסטענס פערדעקט מיט א גלענצענדע פּעדער — דאָס אַלעס צייגט זיך אַרויס אין מאַקס נאָרדוי'ס קורצען אַרטיקעל איבער „סאָציאַליזמוס אין אייראָפּאַ" אין דעם לעצטען מערץ־נומער פון דעם אַמעריקאַנער מאָנאַטליכען זשורנאַל „קאָסמאָפּאָליטאַן." אַזוי וויא אַפילו אין דיא בעסטע פון זיינע קריטישע ווערק, וועלכע האָבען איהם פערשאַפט אַזאַ גרויסען נאָמען אין דער וועלט. אין דיעזען אַרטיקעל בעווייזט ער אָבער אויך, אַז ער איז שטענדיג געווען און בלייבט אַ בורזשואַזער אידעאַלאָג, וועלכער קען ניט בעגרייפען דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזמוס, אַבוואָהל ער איז גאָר ניט צופריעדען מיט דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און איז ניט געגען דיא שטרעבונגען פון אַרבייטער צו פערבעסערען זייער לאַגע.

נאָר מיין צוועק איז ניט צו כאַראַקטעריזירען דיא זעהר אינטערעסאַנטע און טאַלענטפאָלע פּערזאָן פון דעם פערפאַסער פון „קאָנווענציאָנעלע (אָנגענומענע, אָדער דורך מנהגים איינגעפיהרטע) ליגענס", זאָנדערן צו קריטיקירען וואָס ער זאָגט וועגען סאָציאַליזמוס און דיא סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דעם בעטרעפענדען אַרטיקעל.

אין אנפאַנג פערקריכט ער זעהר ווייט צוריק, נאָך פריהער פאַר דיא גרויסע דענקער און מענשענפריינד, וועלכע האָבען „געוואַנדערט אין דיא וועגלאָזע געגענדען פון אוטאָפּיע." ער בעמערקט, אַז „אַ געשיכטע פון סאָציאַליזמוס איז כמעט גלייכצייטיג מיט דער געשיכטע פון דער מענשהייט, דען אונגלייכהייט און רייכטהום, דיא גדלות פון דיא רייכע און דער עלענד פון דיא אָרימע האָבען אימער עקזיסטירט, און זייערע ליידען און קנאה האָבען אימער אויפגערודערט דיא אָרימע נאַכצוטראַכטען וועגען דיא אורזאַכען פון זייער עקאָנאָמישער אונטערטעניגקייט און צו זוכען רפואות געגען דיעזע צרה".

דאָס איז אָבער סתם פילאָזאָפירט, יעדענפאַלס צו אַלגעמיין גערעדט. ווען מיר זאָלען שוין זאָגאָר צוגעבען, אַז דער קאַמפּף פיר גלייכהייט איז אַזוי אַלט וויא דיא מענשליכע געשיכטע — דאָס דאַרף מען פריהער גרינדליך בעווייזען — איז עס נאָך גאַנץ ווייט ניט נאָר פון דעם, צו וואָס דער מאָדערנער סאָציאַליזמוס שטרעבט, זאָנדערן אַפילו פון דעם אוטאָפּישען סאָציאַליזמוס.

מאַקס נאָרדוי מישט איבערהויפּט צוזאַמען דיא אַמאָליגע אוטאָפּיסטען מיט דיא איצטיגע סאָציאַליסטען. מאַנכע זיינע פראַזען דייטען אָן, אַז ער פיהלט דעם אונטערשיעד, נאָר ער איז אַזוי צוגעוואָהנט צו אַלגעמיינע בעהויפּטונגען, דאָס דאָ רעדט ער פון סאָציאַליזמוס וויא פון אַ מין רעליגיעזען טרוים און אין אַן אַנדער אָרט צייגט ער אָן אויף דיא פּראַקטישע וויכטיגקייט פון סאָציאַליזמוס. ווען ער וואָלט געזוכט צו געבען אַ געשיכטליכען איבערבליק אויף דיא ענטוויקלונג פון סאָציאַליסטישע געדאַנקען זייט דיא גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, וואָלט זיך נאָך געשיקט צו בעריהרען דיא אוטאָפּיען, אום אויסצופיהרען, וויא ווייט דער מאָדערנער סאָציאַליזמוס איז אַוועק אויף דעם ריינעם וויסענשאַפטליכען וועג און וויא ווייט ער שטיצט זיך אויף דעם היסטאָרישען פאַקט פון קלאַסענקאַמפף; אָבער אָבגעזעהן דערפון, וואָס ער האָט אייגענטליך געמיינט איבערצוגעבען, וויא עס האַלט מיט דעם סאָציאַליזמוס יעצט אין אייראָפּאַ, האָט ער צוזאַמענגעפּלאָנטערט דיא רעליגיעזע קאָמוניסטישע ענטהוזיאַסטען וויא למשל יאָהאַן פון ליידען (דעם פּראָפעט פון דער סעקטע אַנאַבאַפּטיסטען אין דייטשלאַנד אין 16 יאָהרהונדערט), מיט דיא פראַנצויזישע קאָמוניסטען אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט, וועלכע האָבען פערלאַנגט, אַז „יעדער זאָל לייסטען נאָך זיינע קרעפטע און בעקומען נאָך זיינע בעדירפניסע." און אויך מיט דיא פּאַריזער קאָמונאַרען פון 1871. דיא לעצטע בעשימפּפט ער פאַר איין גאַנג אַזוי וויא דיא ערגסטע רעאַקציאָנערען, דען ער זאָגט, אַז דיא צייט פון דער פּאַריזער קאָמונע איז געווען אַן

„ארגיע פון בלוט און וויין." דא זינדיגט ער איינפאך געגען דיא פאקטען פון דער געשיכטע פון דיעזען מערקווירדיגען קאמפף פון פאריזער פראלעטאריאט.

אבוואהל מאקס נארדוי האט זיכער געלעזען סאציאליסטישע ווערק, דאך הערשט אין זיין קאפ א גרויסע צומישעניס וועגען דעם מאדערנעם סאציאליזמוס, וועגען דיא ריכטיגע שטרעבונגען פון דער סאציאליסטישער בעוועגונג. קאמוניזמוס, קאלעקטיוויזמוס, אוטאפישער סאציאליזמוס און איינפאך טרוימעריי וועגען א בעסערע צוקונפט — דאס פליהט ביי איהם צוזאמען אונטער דעם נאמען סאציאליזמוס. דער פלאץ פיר אן ארטיקעל אין דער „צוקונפט" איז צו בעשרענקט פיר א קריטישע בעטראכטונג פון יעדער בעהויפטונג און פון יעדען ווידערשפרוך פון מאקס נארדוי. מיר וועלען זיך דארום בענוגענען מיט א פאאר ביישפיעלען.

„דיא קריטיקער פון סאציאליזמוס, שרייבט ער, זיינען וואהרשיינליך גערעכט, ווען זיי ערקלערען, אז ער איז אבסורד (אונזינניג)." מיט עטליכע שורות ווייטער ערקלערט ער שוין, דאס „טראץ זיין טהעארעטישען אונזין, האט דער סאציאליזמוס געבראכט אין דרייסיג יאהר צייט גרעסערע פערבעסערונגען אין לעבען, וויא דיא גאנצע חכמה פון שטאאטסמענער און פילאזאפען אין פערלויף פון טויזענדער יאהרען." נאר אין דעם גאנצען ארטיקעל זוכט ער אפילו ניט צו ברינגען איין ארגומענט מכח דעם „אונזין פון סאציאליזמוס," וואס שיינט איהם פריהער וואהרשיינליך און נאכהער בעשטימט.

„ביי שטארקע פעלקער, צווישען ענערגישע מענער, אין צייטען פון אלגעמיינעם פראגרעס, בעהויפטעט ער, געפינט דער סאציאליזמוס קיין גרונד; אבער ביי שוואכע פעלקער און ביי שוואכע און פוילע מענשען, אין צייטען פון נאציאנאלען אונטערגאנג, ווערט דער סאציאליזמוס זשעדנע אויפגעכאפט און ווייט פערשפרייטעט". נאך דיעזען שכל קומט אויס, אז דיא לענדער וואו דער סאציאליזמוס איז יעצט אם מייסטען פערשפרייטעט, וואו עס עקזיסטירען דיא שטארקסטע סאציאליסטישע פארטייען האלטען ביי'ן אונטערגאנג אדער וועניגסטענס זיינען בעזעצט פון שוואכע און פוילע מענשען. דייטשלאנד, וואו דיא סאציאליסטען האבען מיליאנען שטימען, איז שוין אלזא גאר קאפוט... אבער ניט נאר שטימט ניט דיעזע זאנדערבארע און גענצליך אונבעגרינדעטע בעהויפטונג מיט מאקס נארדוי'ס ווייטערע אויספיהרונגען וועגען דיא גרויסע נוצען וואס דער סאציאליזמוס האט שוין געבראכט, זאנדערן ווען מען וואלט איהם א פרעג געטהאן, אויב ער דיינקט, אז דיא דייטשען זיינען דארום שוואכער און וויניגער פראגרעסיוו וויא, צום ביישפיעל, דיא איטאליענער און שפאניער, ווייל צווישען זיי געפינען זיך מעהר סאציאליסטען, וואלט ער זיך געוויס אויסגעלאכט דערפון. נאר ווען ער צושרייבט זיך, שפרינגט ער פון איין געדאנקען צום אנדערען און פערקריכט אפט אין בויבעריק.

קוריעז איז אויך זיין בעמערקונג אז „סאציאליזמוס איז א פראדוקט פון מיסטישען דענקען אפילו ווען ער וויקעלט זיך איין אין א מאנטעל פון כלומר'שט וויסענשאפט..." און דאס זאגט א מאן, וועלכער איז אויף דער עלטער פערקראכען אין א פאנטאזיע וועלט, אין דעם פאליטישען ציוניזמוס נאך הערצעל'ס רעצעפטען!...

אין צוויי פונקטען אבער צייגט ער ארויס א שארפען בליק אויף'ן מאדערנעם סאציאליזמוס. צוליעב דעם איז ווירקליך ווערטה צו לעזען זיין ארטיקעל און צוליעב דעם קען מען איהם אויך פערגעבען זיינע פלאנטערס און ווידערשפריכע.

בעזאנדערס גוט און שארף שטעלט ער ארויס דעם פונקט, אז דיא סאציאליסטישע אגיטאציאן האט זעהר פיעל געהאלפען צו פערבעסערען דיא לאגע פון ארבייטער קלאס. דיא קאפיטאליסטישע רעגיערונגען, ערקלערט ער, זיינען געצוואונגען געוועזען איינצופיהרען ארבייטער שוץ־געזעץ, צו ערלויבען ארבייטער זיך צו ארגאניזירען אין יוניאנס, צו דולדען סטרייקס א. ז. וו. — אלץ אונטער דעם דרוק פון סאציאליסטישע פאדערונגען. גראדע אין דייטשלאנד, וואו דער סאציאליזמוס האט זיך בעזאנדערס פעסט איינגעווארצעלט, איז דיא רעגיערונג געוועזען דיא ערשטע צו פרובירען דעם זאגענאנטען שטאאט־סאציאליזמוס. אום אפצושוואכען דיא וואקסענדע קראפט פון דיא סאציאל־דעמאקראטען, האט זיך ביסמארק א נעהם געטהאן צו סאציאלע רעפארמען, וועלכע ער וואלט זאנסט געוויס גאר ניט אין זינען געהאט. מאקס נארדוי ברינגט ציפערען צו צייגען, וויא ווייט וויכטיג עס זיינען דיא [illegible] פיר ארבייטער־[illegible]כירונגען און ארבייטער־פענסיאנען אין דייטשלאנד. ער גיט איבער איינציגע איינצעלהייטען וועגען דיא דייטשע ארבייטער שוץ געזעצע, וויא פיעל מיליאנען עס ווערען יעהרליך אויסגע־

צאהלט אין פענסיאנען פיר אלטע ארבייטער, אין הילפע צו פערוואנדעטע און איסקאליטשעטע ארבייטער, און ער שליעסט מיט דיא ווערטער:

„דיזע ברילליאנטענע רעזולטאטען האט מען בעקומען ניט מיט דער הילפע פון סאציאליסטען, נאר אין געגענטהייל, זיי אויף צו להכעיס. דיא סאציאליסטען האבען גאר נישט געוואלט אננעהמען פון דעם עקזיסטירענדען שטאאט. זיי האבען ניט געוואלט האלבע מיטעל. טריי צו זייער לעהרע, האבען זיי געשטרעבט צו דער שטירצונג פון דער בעשטעהענדער ארגאניזאציאן, אום איינצופיהרען דעם צוקונפטיגען שטאאט און צו רעאליזירען אלע זייערע אידעאלען. און דאך, דיא רעפארמען, וועלכע דיא סאציאליסטען האבען ניט געוואונשען, וועלכע זיי האבען ניט געהאלפען דורכצופיהרען און וועלכע זיי האבען זאגאר טהיילווייז ביטער בעקעמפפט, מוז מען צ ו ר ע כ נ ע ן צ ו ם ק ר ע ד י ט פ ו ן ס א צ י א ל י ז מ ו ס. דיא רעגיערונגען און דיא הערשענדע קלאסען זיינען ג ע צ ו ו א ו נ ג ע ן געוועזען נאכצודענקען וועגען דעם. ד י א פ ו ר כ ט פ א ר ד ע ם ס א צ י א ל י ז מ ו ס א י ז ג ע ו ו ע ן ד ע ר א נ פ א נ ג פ ו ן ד ע ר ו ו י י ז ה י י ט פ ו ן ד י א ר ע ג י ע ר ו נ ג ע ן. דיא רעגיערונגען האבען זיך ארומגעזעהען, אז עס איז זייער פפליכט ארויסצובלאזען דעם ווינד פון דיא זעגלען פון דיא פראפאגאנדיסטען פון קאמוניסטישע טהעאריען און צו פערקלענערען דיא גערעכטע אונצופריעדענהייט פון ארבייטער פאלק. משיח'ס צייטען זיינען נאך ניט געקומען; אבער דיא לאגע פון פראלעטאריאט איז יעצט בעסער, וויא מיט א דור צוריק, און אויב עס וועט ווייטער אזוי אנגעהן וויא ביז יעצט, וועט זייער לאגע אין א דור ארום זיין נאך בעסער וויא היינט צו טאג.“

דאס איז אלץ גאנץ ריכטיג; אבער דאס בעווייזט נאר, אז דיא סאציאליסטען מוזען פארטזעצען זייער קאמפף וויא ביז יעצט, ניט אכטענדיג, אויב זיי אליין קענען אויספיהרען זייערע פארשלעגע, דיא פונקטען פון פראגראם־מינימום, אדער דיא קאפיטאליסטישע רעגיערונגען וועלען עס טאן, אום זיי אונטערצושטעלען א פיסעל. דאס הייסט אויך, אז זיי מוזען בלייבען אויף דעם באדען פון קלאסענקאמפף אין סאציאלער רעוואלוציאן. וואס קאנזעקווענטער און רעוואלוציאנערער דיא סאציאליסטען וועלען זיין, וואס ענערגישער און מוטהיגער זיי וועלען קעמפפען געגען דיא קאפיטאליסטישע ארדנונג, אלץ מעהר וועלען זיי אויספיהרען דירעקט דורך זייער ווירקונג אויף דיא פראלעטאריער און אינדירעקט דורך צווינגען דיא רעגיערונגען און דיא הערשענדע קלאסען אלץ מעהר נאכצוגעבען. זאלען דיא רעגיערונגען, זאלען אזעלכע קאנסערוואטיווע שטאאטסמענער, וויא ביסמארק איז געווען, זאלען אלע פערטרעטער פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג ארויסבלאזען דעם ווינד פון דיא סאציאליסטישע זעגלען, וויא מאקס נארדוי דריקט זיך אויס — דאס דארף אויף א האאר ניט בעוועגען דיא סאציאליסטען אפצוטרעטען פון זייער רעוואלוציאנערען פראגראם, פון זייער ענדציעל.

מאקס נארדוי דענקט אבער אנדערש. דא קומען מיר צום צווייטען וויכטיגען פונקט פון זיין ארטיקעל. ער צייגט נעמליך אן, אז אייניגע סאציאליסטען האלטען שוין ניט פון דער סאציאלער רעוואלוציאן און דיינקען, אז מען קען אומוואנדלען דיא קאפיטאליסטישע געזעלשאפטליכע ארגאניזאציאן אין א סאציאליסטישע דורך עוואלוציאן, דורך פריעדליכע רעפארמען. אזעלכע סאציאליסטען, שרייבט ער, זיינען עדוארד בערנשטיין און פאלמאר אין דייטשלאנד; זשארעס און מילעראן אין פראנקרייך; טוראטי און איטאליען. זייערע געגנער, דיא פעסטע ארטהאדאקסישע גלויבערס אין דער קאטאסטראפעטהעאריע (ער מיינט דערמיט דעם גלויבען אין דער נויטווענדיגקייט און אונפערמיידליכקייט פון דער כאציאלער רעוואלוציאן) זיינען בעבעל, זינגער און קאוטסקי אין דייטשלאנד, זשול געד און וואיאן אין פראנקרייך, ענריקא פעררי אין איטאליען. דער קריזיס איז ערעפענט איבעראל. דער רעזולטאט איז אבער ניט צווייפעלהאפט. דיא פראקטישע מענשען וועלען בעזיעגען דיא מיסטישע טרוימערס. דיא צוקונפט געהערט צו עוואלוציאן און ניט צו רעוואלוציאן. דער אוטאפישער סאציאליזמוס איז געקומען צו אן ענד און דער וויסענשאפטליכער סאציאליזמוס האט זיך אנגעפאנגען ניט מיט קארל מארקס'עס „קאפיטאל“, זאנדערן מיט דער דייטשער ארבייטער געזעצגעבונג“....

אלזא, נאך מאקס נארדוי'ס שכל, קומט אויס אז בעבעל, זשול געד, קויטסקי, ענריקא פעררי א. ז. וו. זיינען גאר טרוימערס, מיסטיקער, אהן פראקטישען פערשטאנד, און אז ניט קארל מארקס איז געווען דער פאטער פון וויסענשאפטליכען סאציאליזמוס, זאנדערן פירסט ביסמארק מיט זיינע איינפיהרונגען פון ארבייטער־סטראכירונ־

גענן!.. דאָ האָט מאַקס נאָרדוי ווידער איבערגע־טראָפען דיא מאָס מיט זיינע צו אַלגעמיינע פראַזען. ווען מען זאָל איהם אַ פרעג טהאָן, אויב ער האַלט, אַז ביסמארק איז געווען דער פּאָטער פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזמוס, וועט ער העכסט וואהרשיינליך ענטפערען, אַז ניין.

פון קאַרל מאַרקס'עס לעהרע האַלט ער אִי־בערהויפּט וויניג. מיט אַ לייכטע האַרץ און נאָך לייכטערען געדאַנקען ערקלערט ער: „מען גלויבט שוין מעהר ניט אין דער תורה פון קאַרל מאַרקס. קיינע פון זיינע נביאות זיינען ניט מקוים געוואָרען. דיא אָרימע זיינען ניט געוואָרען אָרימער, נאָר פארקעהרט זייער לאַגע האָט זיך פערבעסערט. דיא שרעקליכע עקאָנאָמישע קריזיסען זיינען ניט עפטער, זאָנדערען זעלטענער וויא פריהער. זייערע פערוויסטונגען ווערען אַלץ מעהר און מעהר בעשרענקט.“

אָבער אָבגעזעהען דערפון, וואָס דיזע נביאות זיינען גאָר ניט דער עיקר פון קאַרל מאַרקס'עס „קאַפּיטאַל“, פערגעסט מאַקס נאָרדוי אזא וויכטיגען פונקט, דאָס וויא פיעל דיא לאגע פון דיא ארבייטער האָט זיך ניט פערבעסערט — און אַלץ, וויא ער גיט עס אַליין צו, דורך דעם קאַמפּף פון דיא „טרוימערס,“ דיא רעוואָלוציאָנערע אָדער מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטען — איז דיא פערבעסערונג דאָך ניט פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם ריעזיגען פּאָרטשריט אין אינדוסטריע און לעבענס־בעקוועמליכקייט. דיא ארבייטער האָבען געוויס פּראָפּיטירט דורך דעם אַלגעמיינעם פּראָגרעס און וועלען זיכער ווייטער אויף פּראָפּיטירען מיט יעדען ווייטערען פּאָרטשריט פון וויסענשאַפטען און טעכניק; אָבער זייער לאַגע בלייבט דאָך אַ טרויעריגע און אונטערטעניגע, זייער עקזיסטענץ בלייבט דאָך אַ קלעגליכע און אונזיכערע, און זיא וועט שטענדיג אַזוי בלייבען זאָ לאַנג דיא מיטעל פון פּראָדוקציאָן וועלען ליעגען אין דיא הענד פון פריוואַט־פּערזאָנען, זאָ לאַנג דיא קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג וועט אָנהאַלטען.

ווען מיר זאָלען אָננעהמען, אַז קאַרל מאַרקס האָט אַ טעות געמאַכט אין זיינע אויסרעכנונגען וועגען פּעריאָדישע קריזיסען אין אינדוסטריע, ווייל ער האָט ניט פּאָראויסגעזעהען דיא ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון גרויסע טראָסטס, וועלכע בעשרענקען דיא שלעכטע רעזולטאַטען פון דער פרייער קאָנקורענץ — הייסט עס נאָך אויף קיין פאַל ניט, אַז זיינע לעהרען וועגען מעהרווערטה אין קלאַסענקאַמפּף זיינען ניט ריכטיג און ווערען ניט אָנערקענט פון אַלע „פּראַקטישע“ סאָציאַליסטען, אפילו פון עדוארד בערנשטיין זעלבסט, ביי וועמען מאַקס נאָרדוי האָט געפּישט אַרגומענטען פיר זיינע צו אַלגעמיינע בעהויפּטונגען.

מען קען ניט לייקענען, אַז דיא צאָהל פון עוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען וואַקסט, אַז דיא פראגע וועגען פריעדליכע רעפאָרמען ווערט אַלץ שאַרפער ארויסגעשטעלט געגען דיא „אָרטהאָדאָקסישע טרוימערס,“ דיא רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען; אָבער שליעסליך זיינען דאָס מעהר ט אַ ק ט י ש ע אונטערשיעדען וויא פ ר י נ צ י פּ י ע ל ע. פיעלע סאָציאַליסטען רייִדען־יעצט ניט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן אַזוי וויא אַ מאָל, ניט דעריבער, ווייל זיי גלויבען, אַז מען וועט קענען איינפיהרען דיא סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אויף אַ פריעדליכען וועג, דורך רעפאָרמען און אַ ווערטער־קאַמפּף אין פּאַרלאַמענטען, זאָנדערען ווייל זיי דיינקען, אַז מען קען זיך בעגיין אין דער אַגיטאַציאָן פיר דעם סאָציאַליזמוס אָהן צורופען צו גיין אויף דיא באַריקאַדען און אַז דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן וועט ממילא קומען, ווען נאָר עס וועט האַלטען ביי דער דורכפיהרונג פון דעם גרונדפונקט פון סאָציאַליזמוס — דיא אָבשאַפונג פון פריוואַט־אייגענטהום אויף דיא פּראָדוקציאָנס־מיטעל.

דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן איז אַ היסטאָרישע נויטווענדיגקייט, סיידען דיא קאַפּיטאַליסטען וועלען ווערען מלאכים און וועלען אַליין אָפּגעבען דיא לענדער, מינען, פאַבריקען א. ז. וו. צום כלל, צו דער נאַציאָן. מען דאַרף טאַקע זיין אַ טרוימער, אום צו גלויבען אין דעם. אַזעלכע טרוימערס געפינען זיך יעדענפאַלס ניט צווישען ערנסטע סאָציאַליסטען, אפילו ניט צווישען דיא יענינע, וועלכע זיינען שוין ווירקליך פערקראָכען צו ווייט מיט זייער „עוואָלוציאָן.“ קיין פערנינפטיגער מענש וועט ניט זאָגען, אַז בעבעל איז ניט אַזוי פּראַקטיש וויא בערנשטיין, אדער זשול גער וויא זשאָרעס, ענריקאָ פעררי וויא טוראַטי. בעבעל, דער אָרגאַניזאַטאָר, דער גרעסטער און פעהיגסטער פיהרער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זייט איהר אויפקומען — ער איז גאָר אַ „מיסטישער טרוימער,“ און עדוארד בערנשטיין וועלכער איז אייגענטליך שטענדיג געווען אַ בוך־מענש און האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעצייכענט אפילו אין דיא פערהאַנדלונגען פון דיא

קאָנגרעסען פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי — ער זאָל זיין דער פּראַקטישער פיהרער!...

דער אמת איז — אז אמת וואס מאַקס נאָרדוי זעהט ניט אָדער האָט איינפאַך פערשוויעגען — אז ביידע פליגלען פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע שטעלען פאָר געוויסע טאַקטישע ריכטונגען אין דער גרויסער סאָציאַליסטישער ארמעע, וועלכע וועט פריהער אָדער שפּעטער אָבשאַפען דיא קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, און טאַקע ביד חזקה, דאָס הייסט דורך א רעוואָלוציאָן, נאָכדעם מען וועט איהר אונטערגראָבען, אונטערמינירען מיט אזעלכע סאָציאַלע רעפאָרמען, וועלכע עס וועט מעגליך זיין ארויסצורייסען ביי דיא הערשער, דיא קאַפּיטאַליסטען, אויף א זאָרגענאַנטען פריעדליכען וועג, דורך סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און אגיטאַציאָן.

פּאָליטיקוס.

# דער פערקויף פון אן אפּעטיט

פון פּאול לאַפראַג; איבערזעצט פון א. ד אָ ב י ן.

## צווייטער טהייל

דיא וועלט זאָגט א ווערטיל: אלעס איז שעהן וואָס איז ניי. אין אנפאַנג פון זיין נייעם סאָרט לעבען האָט זיך עמיל דעטויש געפיהלט גאַנץ צופריעדען. יעדען פריהמאָרגען, ארום 10 אוהר, אזוי וויא א גלויביגער וואָס ווערט בעזוכט פון אן איבערנאַטירליכע קראַפט, אזוי פלעגט ער שפירען וויא עס רוקען זיך אריין אין זיין מאָגען פערשידענע פליישען און געטרענקע, וועלכע ער האָט גאָר ניט געגעסען און ניט געטרונקען און וואָס זייער טעם און ריח ער האָט גאָר ניט געפיהלט, הגם ער איז געווען געצוואונגען זיי צו פערדייהען. זיין מאָגען פלעגט אָנגעפילט ווערען דורך אזא מין געהיימניספאָלע אָפּעראַציאָן וויא דיא, דורך וועלכער דיא הייליגע בתולה מאריע איז בעפרוכטעט געוואָרען און האָט געשאָנקען דער וועלט א קלייניקעם יעזוס.

דיא מאָהלצייטען, וועלכע ער פלעגט אין זיך אריין נעמען דורך זיין בעל-הבית'ס מויל אין גאָרגעל, פלעגען געדויערען א צוויי שטונדען. נאָכהער פלעגט ער אָפּשלאָפען עטליכע שטונדען מיט א שווערען קאָפּ און מאַטע גליעדער, פערדייענדיג לאַנגזאַם און מ ט. גרויס מאַטערנים דיא פליישען און דיא וויינען, וועלכע דער הערר זיינער האָט געשלונגען אזוי וויא א וואָלף. ארום דריי אזייגער ביי טאָג פלעגט ער מאַכען א גאַנץ לאַנגען שפּאַציער, אום אויפצולעבען אביסעל זיין איבערגעשטאָפּטען בויך. אגב איז דאָס געווען איינער פון דיא פונקטען פון זיין קאָנטראַקט. צום אבענד צו פלעגט זיין מאָגען ווידער אָנגעפילט ווערען אזוי, אז ער פלעגט אריינפאַלען וויא אין א היהנער-פלעט.

דאָך, ניט אכטענדיג אויף דעם אלעס, האָט דער שטאַרקער געבוי פון זיין בויערישען קערפּער איבערוועלטיגט דיזע אָנשטאָפּונגען; און צייטענווייז, אוועקטראָגענדיג זיך אויף דיא פליגלען פון פערגעניגען, פון וועלכע דיא ארימקייט האָט איהם פריהער בערויבט, פלעגט ער זיך אויספּערצען מעשה פּראַנט און ארומשפּאַצירען מיט מיידלעך.

— נאָך אלעמען בין איך הפנים ניט מעהר, וויא א ווערים-זעקעלע אָדער וויא א גאַנז, וועלכע מען שטאָפּט צוליעב איהרע פעטע לעבערליך און גריבענס, האָט ער צו זיך געזאָגט, איך וויים ניט דעם טעם פון פליישען און און דיא וויינען, וועלכע איך מוז פערדייען פאר מיין ארבייטס - געבער נאָר מיט וואָס איז מיין לאַגע ערגער וויא פון יענע לייט, וועלכע האָבען פערלאָרען דעם געפיהל פון גערוך? ביי מיר וועט דאָס נאָר געדויערן א פינף יאָהר, דערפאר וועל איך אין דער צייט פון דער געצוואונגענער ארבייט מיט מיין מאָגען ניט נאָר זיין בעפרייט פון דער ארבייט פון קייען און

פון דער ערנידעריגענדער דאגה, וואו נעהמט מען יעדען טאג ברויט צו שטילען דעם הונגער, זאנדערן וועל נאך קענען אפשפארען יעדען יאהר צעהן אדער אפילו צוואנציג טויזענד פראנק. הלעבען, אז דיא ארבייטער, וועלכע זיינען פעראורטהיילט זייער לעבען לאנג צו געצוואונגענע ארבייט אין דיא מינען און פאבריקען, וואלטען מיר מקנא געווען מיין גורל.

אט אויף אזא מין ארט האט ער פרובירט צו בערוהיגען זיך, פערגלייכענדיג זיין ארבייט מיט דער ארבייט פון דיא לוין־שקלאווען. ער פלעגט זיך טרויסטען מיט דעם געדאנק, אז זיין שקלאַוועריי איז ניט אויף אימער און אז ווען זיא וועט זיך ענדיגען, וועט ער האבען אנגעקליעבען א היבשע סומע, וועלכע וועט איהם געבען דיא מעגליכקייט צו לעבען וויא א בורזשוא, גאר ניט ארבייטענדיג.

אבער ניט דיא קערפערליכע איבונגען אויף דער פרייער לופט, אויך ניט דיא געשלעכטליכע תאוה, צו וועלכע ער האט זיך איבערגעגעבען, האבען ניט אבגעהאלטען, אז דיא סיסטעמאטישע אנשטאפונג פון זיין מאגען זאל ניט ווירקען שלעכט אויף זיין אייזערנעם געזונד.

ער האט אנגעפאנגען צו ליידען פון פערשטאפונג, זיין מאגען איז געווארען וואס ווייטער פוילער און שוואכער און זיין געמיטה מעלאנכאלישער.

דער נאטאריוס, אין וועמענס אפיס דער קאנטראקט איז געמאכט געווארען און פון וועמען ער פלעגט בעקומען זיין מאנאטליכע געהאלט, האט איהם זעהער שטארק אויסגערעדט און אפילו אנגעזידעלט פאר זיינע צו אפטע הוליאנקעס גאנצע נעכט אין א געזעלשאפט פון גאסען־פרויען. דיא צו אפטע געשלעכטליכע פערבינדונגען, האט דער נאטאריוס גע'טענה'עט, מאכען טעמפ זיין מאגען און שוואכען אפ דיא פערדייאונגס־קראפט, וועלכע ער האט פערקויפט און דאריבער בעלאנגט דאס שוין מעהר ניט צו איהם. ער דארף איין מאל פאר אלע מאל פערשטיין, האט דער נאטאריוס פילאזאפירט, אז ער איז ניט מעהר וויא א באטראק, א דארפסארבייטער, וועלכען מען דינגט אפ אויפ'ן יאהר און וועמען עס איז ניט ערלויבט צו געברויכען זיין צייט אדער זיין קראפט וויא עס פערגלוסט זיך איהם.

אויב אזוי, האט זיך עמיל בעטראכט, וועט ער גאר חתונה האבען און אנהייבען צו פיהרען א דארפישען לעבען.

— איך וועל גיין אויף גיעג, פאהרען רייטענדיג, אקערען מיין פעלד; דאן וועט מיין מאגען צוריק געווינען זיין אמאליגע קראפט און איך וועל שוין וויא עס איז אריבער שלעפען דיא שווערע משא, וואס מיין ארבייט־געבער האט אויף מיר ארויפגעלייגט.

דעטויש האט דארום איינגעהאלטען דעם יצר הרע און האט פערגרעסערט דיא קערפערליכע איבונגען און גימנאסטיק. אבער וואס מעהר ער האט בעפעסטיגט זיין מאגען און פערשטארקט זיין פערדייאונגס־קראפט, אלץ מעהר האט זיין בעל הבית פערגרעסערט דיא מאס פון שפייז, וועלכע ער פלעגט ארייננשלינגען.

דער נאטאריוס האט אויסגע'שדכן'ט פאר דעטויש'ן א יונגע פרוי, ניט קיין מיאוסע, פון א גאנץ בעל־הבית'ישע פאמיליע, און מיט א גאנץ היבשען נדן. ווען דיא פונקטען פון דעם הייראטס־אבמאך זיינען געווען צוגעגרייט, האט מען דיא פערקנאסטע פאר בארגעשטעלט איינער דעם צווייטען.

עמיל איז ערשינען א פערקאמטער, א פערפוצטער, שיינענדיג מיט גרויסע האפנונגען. אין דער צוקונפט האט זיך איהם געמאהלט, אז ער איז א פערמעגליכער לאנד אייגענטהימער, גיט אכטונג אויף זיינע אייגענע פעלדער און אויף זיינע אייגענע כטאדעס.

נאר גראדע איז דאס געווען אין דער צייט, א זייגער דריי ביי טאג, ווען זיין בעל־הבית האט אריין געהאקט אין זיין מאגען דעם לעצטען ביסען פון זיין ריעזיגע סעודה. געוועהנליך פלעגט ער לאזען צייט זיין לוין־שקלאוו דאס צו פערדייען. אבער דעם מאל האט עמיל נאך ניט צייט געהאט ארייננצוגיין צו זיין צוקינפטיגער שוויגער איןזאלל, וויא ער האט דערפיהלט, אז זיין מאגען ווערט ווידער בעלעסטיגט, אנגעשטאפט איבער א נייעס. דיא אורזאכע איז געווען, וואס זיין בעל־הבית האט עפיס געהאט א גרויסע ערגערנים דעם טאג, און זייענדיג אין א ווילדען צושטאנד, האט ער מיט א שרעקליכע רציחה זיך אוועק געזעצט פרעסען און זויפען, אום צו פערטרייבען זיין כעס. דיא ביסען און דיא פולע גלעזער ווייו, וועלכע ער האט געשלונגען, זיינען געפלויגען איינע נאך דיא אנדערע מיט אזא אונגעהייערע שנעלקייט, אזוי וויא זיי וואלטען זיך געשפיעלט אין צו־להכעיס ווער וועמען עס וועט אריבער יאגען.

דער ארימער עמיל האט דאס שוין מעהר

ניט געקענט אריבערטראָגן. עס האָט איהם אָנגעהויבען צו שפּאַרען אין די זייטען און אונטער'ן האַרצען, ער האָט געפּיהלט, אַז אָט פּלאַצט זיין בויך. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אין אַן אַרם־שטול, פון זיין גאַנצען קערפּער איז אַרויס אַן אייז קאַלטער און שטינקענדער שווייס. אַ חלשות'דיגע ניט־גוטקייט האָט איהם איבערוועלטיגט, אַז ער האָט שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען. אָננעהמענדיג זיך מיט די לעצטע כוחות, האָט ער זיך אַ לאָז געטהאָן פון זאַל, נאָר אויף די טרעפּ האָט ער אויסגעבראָכען אַלעס וואָס זיין אַרבייט־געבער האָט געשלונגען.

אָבער וואָס מעהר ער האָט אויסגעליידיגט זיין מאָגען אַלץ מעהר האָט דער ווילדער פּרעסער, זיין בעל־הבית, געהאַלטען אין איין שטאָפּען דעם מאָגען פון זיין לוין־שקלאַוו.

דער אונגליקליכער עמיל האָט פערשפּרייט איבער'ן גאַנצען הויז אַזאַ שמוץ און אַ שלעכטען גערוך — אַז ער האָט געמוזט, צו זיין גרויסער שאַנדע, אַרויסשלעפּען זיך אין גאַס און אויפגעבען אַלע זיינע פּלענער וועגען הייראַטה.

אין אַנדערס מאָל איז זיך זיין בעל־הבית געזעסען, זיך געשטאָפּט מיט מאַנדלען און פּערטרונקען מיט אַ טייערן און שווערען שפּאַנישען וויין. בעת מעשה איז עמיל געווען אין אַ צירק און האָט זיך פּערטיעפט אין קוקען אויף פערד. מיט אַמאָל איז איהם געוואָרען ניט גוט, אַז ער האָט געפּיהלט אַז ער גייט אַראָפּ פון זינען. אין זיין פּערצווייפלונג האָט ער אָנגעהויבען שטויסען די דערבייאיגע מענער, רייסען די קליידער פון די פרויען, און ווען אַ פּאָליסמאַן איז צו איהם צוגעלאָפען, האָט ער איהם דערלאַנגט אַ פּאַטש. מען האָט איהם דאַן אוועקגעשלעפּט אין דער פּאָליציי, וואו ער האָט זיך אַביסעל אויסגעניכטערט פון די וויין, וואָס זיין בעל־הבית האָט געטרונקען.

אויף מאָרגען, ווען מען האָט איהם געבראַכט פאַר'ן ריכטער, האָט ער צו זיך געזאָגט: „וואָלט חאָטש מיין בעל־הבית ניט אָנהויבען איבער אַ נייעס צו שיכור'ען." אָבער דאָס האָט גראָדע געטראָפען. דער גערוך פון די ווייִנען, וועלכער האָט אַרויפגעשלאָגען פון זיין מאָגען, האָט איהם ווידער איינגע'שיכור'ט און ער האָט אָנגעהויבען צו זידלען דעם ריכטער פאַר אַלע אַנוועזענדע אין געריכט. דערפאַר האָט מען איהם פעראורטהיילט אויף צוויי יאָהר געפענגניס. אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום, דורך די ווירקונג פון זיין אַלמעכטיגען בעל־הבית, האָט מען איהם אַרויסגעלאָזען פריי.

עמיל'ס מאָגען־אַרבייט איז אַזוי געוואָרען וואָס אַ טאָג אַלץ שווערער און שמערצפאָלער. דער פּרעסער פלעגט מאַכען סעודות פיער, פינף מאָל אין מעת לעת און פיעלע מאָל אין טאָג פלעגט ער זיך אָנזויפען וויא אַ חזיר. עמיל האָט אָנגעפאַנגען צו בעראַטהען זיך מיט דאָקטוירים, נעהמען פערשיעדענע ברעך מיטעל, וויא די אַלטע רוימער; אָבער אומזיסט! יעדעס מאָל וואָס ער האָט אויסגעליידיגט דעם מאָגען, האָט דער פּייניגער זיינער איהם אָנגעשטאָפּט איבער אַ נייעס. זיין לעבען איז געוואָרען אונערטרעגליך. ער פלעגט איהם כאַפּען צום ברעכען, ווען ער פלעגט זעהען שפּייז, זאָגאָר ברויט.

דער עקעל וואָס די איבערזעטיגטע און קריינקליכע פיהלען צו דער גאַנצער וועלט, צו אַלעס וואָס לעבט, רוישט, בעוועגט זיך, איז אַריין אין עמיל'ס נשמה. ער האָט געוויכט די געזעלשאַפט פון מענשען אין זייערע וואָהנונגען. ער האָט געוואָהנט איינזאַם, אַרומגערינגעלט מיט וויסטע פעלדער, שפּאַצירענדיג נאָר ביי נאַכט, אום ניט צו בעגעגנען וועלכע ניט איז לעבעדיגע בעשעפענים. טאָג און נאַכט האָט ער געהאַלטען אין איין פערדייען די געוואַלדיגע סעודות פון זיין אַרבייטס־געבער.

די מורא פאַר'ן הונגער, דעם געטרייען חבר פון זיין יוגענד, האָט איהם אָפּגעהאַלטען פון ברעכען דעם קאָנטראַקט. אָבער ער האָט זיך געהאַלטען פאַר פערלאָרען און וואָלט גערן אַ פּאָר טעג זיין אָהן ברויט אַנשטאַט די שרעקליכע אַרבייט אימער צו פערדייען פרעמדע שפּייז.

איין מאָל האָט ער זיך אוועקגעלאָזען צום נאָטאַריוס מיט דעם בעשלוס צו מאַכען אַן ענדע פון דעם קאָנטראַקט; אָבער דער נאָטאַריוס האָט איהם אויפ'ן שטעל ערקלעהרט, אַז דאָס איז אַן אונמעגליכע זאַך. ער איז מחויב צו ליידען נאָך דריי יאָהר, אפילו ווען דאָס זאָל איהם טוידטען מוז ער דאָס אַריבערטראָגען ביז'ן ענדע אום איהם אַ ביסעל צו טרייסטען, האָט דער נאָטאַריוס צוגעזעצט:

— איהר בעקלאָגט זיך, ווארום איהר זייט אַרונטער צו אַזאַ שטופע, צו זיין ניט מעהר וויא אַ פערדייאונגס־אַפּאַראַט; אָבער וואָס זיינען די אַלע וועלכע אַרבייטען אום צו פערדיענען זייער לעבענס מיטעל, אויב ניט דאָס זעלבע וואָס איהר? זיי אויך, אַזוי וויא איהר, אום צו

בעקומען דיא נויטיגע לעבענסמיטעל, זיינען ארונטער צו דער שטופע, צו זיין נישט מעהר וויא א מאשין צו שאפען פראפיטען פאר אנדערע. דער ארבייטער איז דיא האנד וואס שמידט, קלאפט, האמערט, זעגט, מעסט, גראבט, וועבט; דער זינגער איז דיא האלז וואס קלינגט, סווירטשעט, גיט ארויס טרעלען, לאזט ארויס נאטען; א. ז. וו. א. ז. וו. דיינקט איהר, אז דיא אנגעשטעלטע אין מיין אפפיס געברויכען זייער אייגענעם שכל אדער טראכטען איבער דיא פאפירען, וועלכע זיי האבען צו איבערשרייבען? גאר ניט! דענקען דאס איז ניט זייער געשעפט, ניט אויף דעם זיינען זיי דא אנגעשטעלט. זיי זיינען דא נישט מעהר, וויא פינגער צו שמירען אויפ'ן פאפיער. זיי האבען צו טאן אין מיין קאנטאר צעהן אדער צוועלף שטונדען אן ארבייט, וועלכע פערשאפט זיי גאנץ ווענינ פערגעניגען, פערקעהרט, זיי קריעגען פון דעם קאפ-שמערצען, שלעכטע מאגענס און מערידען. אויף דער נאכט נעהמען זיי נאך מיט זיך ארבייט צו ענדיגען, אום צו פערדיענען מעהר מיט עטליכע גראשען, מיט וואס צו בעצאהלען פאר זייער וואהנונג. היינט בעטראכט נאר אליין, יונגער-מאן, דיעזע יונגע לייט ליידען אזוי גוט וויא איהר, פון דעסטוועגען קען זיך איינער פון זיי ניט בעריהמען, אז ער קריעגט אין א יאהר דאס וואס איהר קריעגט אין איין מאנאט פאר אייער פערדייאונגס-ארבייט.

— עס איז זעהר טרויעריג, שרעקליך טרויעריג! איך האב אפילו ניט דיא טרויסט צו גלויבען אז איך בין דער אונגליקליכסטער פון אלע שטערבליכע.

— נעהמט זיך אריין גוט אין אייער קאפ פאלגענדע וואהרהייט: דער ארעמער מענש עקזיסטירט נישט מעהר פאר זיך אליין אין אונזער ציוויליזירטער געזעלשאפט, נאר פאר דעם קאפיטאליסט וועלכער שטעלט איהם צו ארבייטען, ווען עס פערגלוסט זיך איהם אדער וואו ער דארף אויסנוצען יענעם'ס גליעדער.

עמיל איז ארויס פון נאטאריוס'עס קאנטאר א נידערגעשלאגענער. ער האט גענומען ארומוואנדערען איבער דיא גאסען וויא אין דער צייט, ווען דער שרעקליכער הונגער האט געשניטען זיינע גידערים. אבער קיין מאל האט ער זיך נישט געפיהלט אזוי אונגליקליך וויא אצינד. אין דער געגענווארט האט ער ניט געהאט קיין שום פריידע, און אין דער צוקונפט האט ער פאר זיך ניט געזעהען קיין שום האפנונג. פול מיט פערצווייפלונג האט ער בעמערקט, וויא זיין לעבענסקראפט זינקט מיט אן אונגעהייערער שנעלקייט; ער איז אזוי אויסגעהארט געווארען, אז דיא הויט איז געהאנגען אויף זיינע ביינער. דיא שפייז, וועלכע ער פלעגט פערדייען, האט איהם ניט גענעהרט; אין געגענטהייל, עס האט בלויז צושטערט זיין קערפער, איבערלאזענדיג נאך זיך א טעמפען געפיהל פון הונגער און קאפ-ווייטאגען וועלכע פלעגען איהם שיעור ניט משוגע מאכען.

אין דער צייט, ווען ער האט אזוי צוועקלאז ארום געוואנדערט איבער דיא גאסען, איז זיך זיין בעל-הבית, דער פריידענס-לוסטיגער ברעכער, געזעסען און האט געגעסען און געטרונקען, ארייגשטאפענדיג אין עמיל'ס מאגען מאסען שפייז, שווער וויא בליי.

— אה! וואס פאר אונגליק! האט עמיל צו זיך געזאגט, וואלט חאטש מיין קערפער, וואס ווערט געפייניגט פון אזעלכע יסורים און וואס אליין איז איהם אזוי עקעלהאפט, וואלט ער חאטש אויפגעהערט צו ליידען; אבער דער תליון ווען איך האב פערקויפט מעהר וויא מיין נשמה, לייגט אויף מיר ארויף ארבייט גאר אהן רחמנות. מעהר וויא דער טוידט וועט מיך ניט בעפרייען פון מיינע יסורים!...

ווילד פון דיא שמערצען און אויסגעמאטערט פון לעבען האט ער זיך א לאז געטהאן צום טייך. דאס וואסער האט איהם צוגעצויגען און ער איז אהין אריינגעשפרונגען. מען האט איהם אבער גלייך ארויסגעשלעפט און געבראכט צו זיין וואהנונג וואו ער האט זיך אביסעל בערוהיגט פון דער קאלטער וואנע וואס ער האט געהאט.

אויף מארגען איז צו איהם געקומען א געזונטער קערל מיט א בריעף פון זיין בעל-הבית, אין דיעזען האט מען איהם אנגעזאגט דיא בשורה, אז פון היינט אן ביז צום ענדע פון זייער קאנטראקט, וועט ער זיין אונטער דער אויפזיכט פון דיעזען קערל.

— יאלד! האט זיך צו איהם גראב געווענדעט דער געזונטער חברה-מאן, זייט וויסען, אז איך בין אייער אויפזעהער, מעהר זאלט איהר מיר ניט מאכען אזוינע קונצען! איהר בעלאנגט שוין ניט מעהר צו זיך אליין, איהר האט פערקויפט אייער אפעטיט, פאר וועלכען איהר האט שוין אפגענומען אכט און פערציג טויזענדער, דארום מוזט איהר לעבען און האט קיין רעכט ניט זיך צו טויטען. ווען א שטייגער איהר נעהמט

זיך דעם לעבען, וואָס וואָלט געוואָרען פון אונזער בעל הבית? דיזער טהייערער מאַן, ברויכט ער דען ניט פערדיינען וואָס ער עסט? עס איז ניטאָ קיין אנדער אויסגאנג: זיין בויך מוז רוהען, דערפאר מוז אייערער ארבייטען. איך וואָרן אייך, אז וויא נאָר איהר וועט פּרובירען צו טוידטען זיך, וועל איך אייך איינשפּאַרען אין א שטייג אַזוי וויא אַ משוגענעם. אזא בעפעהל האָב איך געקראָגען. נאָר נאָך אַלעמען דאַרפט איהר זיך ניט אַזוי אָפּעסען דיא האַרין. איהר וועט ניט אַלט ווערען פון אייער ארבייט. איך האָב שוין אויפגעפּאַסט אויף צוויי חברה לייט פאַר אייך, און זיי האָבען זיך שנעל אָפּגעטראָגען אויף יענער וועלט, וואו מען ברויכט גאָר ניט עסען. נאָר בעטראַכט, וואָס פאַר אַ מין געפעהרליכער פרעסער אונזער בעל הבית'יל איז, צו אַלדע שוואַרץ יאהר! וואָס מעהר ער פרעסט, אַלץ אַ גרעסערן אַפּעטיט קריגט ער. און וואָס קימערט דאָס איהם? ער פיהלט זיך גאַנץ גוט, ער האָט דאָך פון דעם ניט קיין בויךווייטאָג. ער שפּאַרט אַזוי לאַנג, ביז דיא פערדייהונגס־מאַשין וועלכע ער קויפט, פּלאַטצט!

— הייסט דאָס, אז מיר איז בעשערט צו שטאַרבען פון אָנשטאָפּונג! אָט דאָס איז מיין צוקונפט! האָט עמיל אויסגעשריען מיט שרעק.

יעצט האָט זיך פאַר דעם אונגליקליכען אָנגעפאנגען אַ נייער אַרט לעבען. ביז יעצט איז ער געווען אַזוי וויא אַ בעל מלאכה, וואָס אַרבייט ביי זיך אין דער היים פאַר דעם פאַבריקאַנט, האָבענדיג אַ שאָטען פון פרייהייט, אָבער פון דעם טאָג אָן איז ער געוואָרען אזוי וויא דער פּראָלעטאַריער, וועלכער איז פערשפּאַרט אין זיין ארבייט געבער'ס פאַבריק אונטער דער אויפזיכט פון אַ פאָרמאַן.

זייענדיג איבערוועלטיגט פון זיין בעל־הבית'ס גוואַלדיג גרויסע סעודות, האָט ער אויפגעגעבען דיא שפּאַציערען, וועלכע לויט דעם קאָנטראַקט, ער האָט געדאַרפט מאַכען יעדען טאָג, און פלעגט פערברענגען טעג און נעכט ליגענדיג אויסגעצויגען, אַראָב קריכענדיג נאָר אום צו ערפילען דיא נויטווענדיגע פהיזיאָלאָגישע בעדירפניסע.

דער אויפזעהער אָבער, וועמען מען האָט געשיקט אַכטונג צו געבען, אַז עמיל זאָל אָפּהיטען שטרענג אַלע פּונקטען פון דעם קאָנטראַקט האָט אָנגעהויבען צו זאָרגען, אַז אפילו ניט אַ רגע פון דער טהייערער צייט, וואָס עמיל האָט פערקויפט, זאָל געהן אין ניוועץ. וויא נאָר טאָג פלעגט ער אַראָפּ שלעפּען עמיל'ן פון בעט און איהם צווינגען צו מאַכען אַ לאַנגען שפּאַציער איבער דיא פעלדער אום צו צוגרייטען אַ פריהמאָרגענדיגען אַפּעטיט פאַר זיין בעל־הבית. ביי טאָג, זייענדיג אָנגעשטאָפּט ביז'ן האַלז, פלעגט עמיל וועלען אויסציהען זיך אויפ'ן רוקען און ליגען אַזוי אונבעוועגליך אַ פּאָאָר שעה, אָבער דער אויפזעהער פלעגט איהם מיט געוואַלד טרייבען אין וועג אַריין, אום בעסער צו פערדייען דיא שפּייז און צו גרייטען ווייטער אַ פרישען און שטאַרקען אַפּעטיט פאַר'ן אַרבייטס־געבער.

צייטענווייז פלעגט דאָך עמיל אָנהגיבען צו מאַכען סקאַנדאַלען.

—בריקע זיך נאָר ניט, מיין תכשיט! פלעגט דער אויפזעהער שטרענג אויסרופען ביי דעם ערשטען צייכען פון אונגעהאָרכזאַמקייט. זיי ווייסען מיט וועמען דוא האָסט צו טהאָן, איך בין פיעל געזינטער פון דיר, טאָ היט זיך, אַז דוא זאָלסט נישט קריגען גע'מזיק'ט! דוא זעהסט דאָ האָב איך ביי זיך אַ צייגנים פון אַ דאָקטאָר, אַ בעפעהל פון דער פּאָליציי, און דעם ריכטערס ערלויבנים, אַלע מאַכעריייען וועלכע מען דאַרף, אום אריין צו וואַהפּען דיך אין דולהויז פון שאַרענטאָן!

אין א שעהנעם פריה מארגען האָט זיין בעל הבית אויפגעעפּרעסען אן אנבייסען וואס איז געווען משונה'דיגער וויא געוועהנליך. ער האָט געחליאָבעט שיסלען מיט פיש־יוך, האָט געשפּאַרט פערשיעדענע געריכטען פון פיש, פלייש און בערג מיט מאקאראָנעס. עמיל האָט דערפיהלט אז ער ווערט א צושמעטערטער. ער האָט אבגעשלאָפען א פּאָאר שעה אזוי וויא א גע'הרג'עטער, ביז דער וועכטער האָט איהם מיט געוואלד אראָפּגעשלעפּט פון בעט, אוועק געשטעלט אויף דיא פיס און אוועק געטריעבען צו מאכען דעם פאַרגעשריעבענעם שפּאציער גאנג אום זיך צו ערלייכטערען פון דיא געוואלטיגע בערג פון אונפערדייעטע שפּייז, וואס זיינען געלעגען אין זיין מאָגען וויא א שווערער שטיין. ער האָט זיך געשלעפּט ביי דער זייט פון דעם אויפזעהער מיט גרויס מארטערנים. ווען זיי האָבען זיך פערקירעוועט אויף א געוויסען וועג, האָבען זיי זיך אָנגעשטויסען אן א חברה מענער און פרויען, וועלכע האָבען געהאלטען אין איין ריידען און לאכען.

ש... איז געשטאַנען אין מיטען, פרעהליכער פון אַלעמען. זיין גראָבער געלעכטער האָט געקלונגען וויא א טרובע.

— וואס פאר א חאמסקע פרעהליכקייט!

— האָט בעמערקט איינער פון דער חברה. — וואלט ווער געגלויבט אז אָט דיעזע חיה האָט זיך שיער ניט אומגעבראכט מיט אזוי פיעל שפּייז,

וואס וואָלט געווען צופיעל פאר צעהן פויערים, וואס האָבען דריי טעג נאָך אנאנד געהונגערט?

דער אנבליק פון זיין לוסטיגען און איבער־גליקליכען בעל הבית האָט שרעקליך אויפגע־בראכט עמיל׳ן. דורכשטופענדיג זיך דורך דיא מענגע, האָט ער זיך א וואָרף געטהון צו זיין הערר׳ס פיס. מיט א ביטערען געוויין האָט ער אויסדערצעהלט פון דיא צרות, וואס ער שטעהט אויס, און האָט געבעטען רחמים צו בעפרייען איהם פון זיין אבשייליכער שקלאפעריי. ער האָט פערשפּראָכען אומצוקעהרען דאס גאנצע געלד צוריק וואס ער האָט געקראָגען פיר דער גאנצער צייט, נור ער זאָל איהם טהון דיא טובה, בע־פרייען איהם פון פערדייען דיא שפייז פון אן אנדערען.

— וואס וויל דער משוגענער? — האָט ש... א געשריי געטהון, אבשטויסענדיג איהם מיט׳ן פוס.

דער אויפזעהער האָט גלייך א חאפ געטהון דעם אונגליקליכען פאר׳ן קאָלנער, האָט איהם א הויב געטהון פון דער ערד און אוועק געשלעפט איבער פיעלע פעלדער, קומענדיג אין זייער וואָהנונג האָט ער איהם מכבד געווען מיט א היפּשע פּארציע קלעפ.

— דאס, גלויב איך, וועט דיך אויסלערנען וויא אזוי צו בעאונרוהיגען אונזער ברויט גע־בער!

עמיל איז געבליעבען ליגען שטיל וויא א געבונדענע קעלבעל.

* * *

אבער צייטענווייז טרעפט אויך אז א בהמה ווערט אויפגערייצט.

— איך האָב געהאָרעוועט,— האָט ער צו זיך געזאגט, — איך האָב געליטען, אום אנאנ־דערער זאָל קענען געניסען, האָב אלעס אריבער געטראָגען. ענדליך אז איך האָב שוין דערפיהלט דאס מיינע כהות געהן אויס, האָב איך געוויינט, זיך געבעטען! דערפאר האָב איך נאָך געקראָגען קלעפ... איך פיהל, אז דער טוידט איז שוין נאָהענט. שטעה אויף! זיי מוטהיג. עס איז שוין סיי וויא ניטאָ וואס אנצו־וועהרען.

אנשכור׳ענדיג דעם אויפזעהער איז ער ארויס געלאָפען און זיך א לאָז געטהון צו זיין פייניגער אין הויז.

לוסטיג, צופריעדען און לעבעדיג האָט זיך ש... געקליעבען צו זעטצען זיך צום טיש. א שרעק האָט איהם אנגעכאפּט, וויא ער האָט דער־זעהען עמיל׳ן מיט דיא צופּאטעלטע האָאר, מיט ווילדע בליקען, מיט א פיסטאָל צונויפגעדריקט אין האנד.

— ראטעוועט! טויט מיך ניט!

— דו פייגלינג! דו ניעדערטרעכטיגער יונג! דו חזיר! דו פרעסער! דו האָסט מיך גע־פייניגט, האָסט שוין פיעלע אומגעבראכט מיט א שמערצפאָלען טוידט און דו זוכסט נאָך מעהר אָפּפער! גענוג! דיין לעצטער מאָהלצייט איז געקומען.....

איידער ש... האָט זיך ארומגעקוקט, האָט איהם עמיל ארייגעשאָסען א קויל אין בויך. דער פרעסער איז אנידער געפאלען וויא א שטיין.

דענקענדיג אז ער איז טויט, איז עמיל אוועק אין דער פּאָליציי און האָט דארט דערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע. דער קאָמיסאר האָט גע־מיינט אז ער האָט צו טהון מיט א משוגענעם, אבער באלד איז געקומען צו לויפען דער אויפ־זעהער און האָט בעשטעטיגט עמיל׳ס רייד.

אין עטליכע וואָכען ארום האָט זיך ש... אויסגעהיילט פון זיין וואונד און האָט זיך גענו־מען איבער א נייעם צו זיינע גוואלטיגע סעודות.

עמיל דעטוש איז איינגעשפּארט געוואָרען אין שארענטאָן, וואו מען האָט איהם מכבד גע־ווען מיט א שפּריץ־באד און א צוואנגס־יאק דער־פאר וואס ער האָט פערקויפט זיין אפּעטיט.

ע נ ד ע.

## א גרוס צו דער „ארבייטער וועלט.“

מיט א הערצליכע פריידע בעגריעסט „דיא צוקונפט פּרעסס פּעדעריישען“ דעם נייען קעמ־פּפער אין דיא רייהען פון אידישען פּראָלע־טאריאט, דעם עהרליכען און מוטהיגען אָרגאַן פון דיא פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען — „דיא ארבייטער וועלט„ וועלכע דערמאָנט ווירקליך אָן דיא געוועזענע „ארבייטער צייטונג“ מיר ווינשען דעם בעסטען ערפאָלג דיא פעראיי־ניגטע אידישע געווערקשאפטען אין זייער נאָב־לער אונטערנעהמונג. אזא צייטונג וויא דיא „ארבייטער וועלט“ איז אן ערפרעהליכע ער־שיינונג און פּערדיענט דיא מאָראלע און פינאנ־ציעלע שטיצע פון אלע סאָציאליסטען און אויפ־געקלערטע ארבייטער. מיר זיינען זיכער, אז דיא לעזער פון דער „צוקונפט“ וועלען אויך אויפנעהמען מיט פריידע דיזען אָרגאן, וואָס שטרעבט צו אָרגאניזירען און אויפצוקלערען דיא אידישע ארבייטער. לאָמיר האָפען, אז דיע־זע צייטונג וועט אויפלעבען דיא אידישע אר־בייטער בעוועגונג און ברייגען הארמאָניע צווי־שען דיא קרעפטע, וועלכע זיינען צוטהיילט און פיינדליך געוואָרען דורך פערשיעדענע צוויס־טיגקייטען אין דער פערגאנגענהייט.

# אידען אין רוסלאנד

זייער געשיכטע פון דיא עלטעסטע צייטען ביז היינטיגען טאג

פון אלכסנדר הארקאווי

## דריטעס קאפיטעל.

## דיא בענעהמונג פון רוסישע הערשער געגען אידען פון 16טען יאהר־הונדערט ביז ענדע 18טען.

איוואן גראזני (דער שרעקליכער). — דמיטרי דער ערסטער. — מיכאאיל פיאדאראוויטש.— אלעקסעי מיכאילאוויטש. — פיאדאר אלעקסייעוויטש. — פעטער דער גרויסער. — עקאטערינא דיא ערסטע. — פעטער דער צווייטער. — אננא יאאננאוונא. — עליזאבעטא פעטראוונא. — עקאטערינא דיא צווייטע.

דיעזער קאפיטעל פאנגט אן מיט דער צייט פון דעם צאר איוואן גראזני, וועלכער האט רעגיערט פון 1534 ביז 1581. ווען מען בערעכענט וואס פיר א טייוועל דיעזער גרויזאמער הערשער פון דיא רוסען איז געוועזן, קען מען זיך פארשטעלען, וואס פיר א שטעלונג ער האט געקענט נעהמען געגען אידען. אלס סיגיזמונד, דער קעניג פון פוילען, האט אין 1549 פערלאנגט פון איהם ער זאל דיא אידען פון ליטא ערלויבען צו האנדלען אין זיין לאנד לויט דעם אבמאך, וועלכער האט עקזיסטירט פון פריהער, האט ער דערויף געענטפערט: „דאס? חלילה! דיעזע מענשען, וועלכע האבען געלעסטערט אונזער משיח און האבען אין מיין לאנד פערקויפט דיא סם־המות (טאבאק) — זאלען האנדלען ביי מיר אין לאנד? דאס וועט ניט געשעהען! איך קען דיעזעס פאלק ניט ליידען!“ ווען ער האט איינגענומען דיא שטאדט פאלאצק (אין יאהר 1563), האט מען אויף זיין בעפעהל אלע אידען, וועלכע האבען זיך דארטען געפונען, מענער, פרויען און קינדער, אריינגעווארפען אין טייך דווינא...

פון איוואן'ס צייטען ביז דער הערשאפט פון דמיטרי דעם ערסטען (1605 — 1606) האבען אידען ניט געטארט ארויפשטעלען א פוס אויף דעם באדען פון רוסלאנד. ווען דמיטרי איז ארויף אויף'ן טהראן האט ער ערלויבט אידען צו קומען און האנדלען, אבוואהל דאס איז געוועזן געגען דעם ווילען פון דיא באיארען, וועלכע האבען געהאט א גרויסע דעה אין לאנד.

דיא צייט פון דיא דמיטרים (עס זיינען געוועזן צוויי רוסישע הערשער מיט'ן נאמען דמיטרי) איז מערקווירדיג פערבונדען מיט אידען. דיעזע הערשער זיינען ניט געוועזן קיין אמת'ע נאכפאלגער פון רוסישען טהראן, זיי האבען ניט געשטאמט פון דער צארסקער פאמיליע און יעדער פון זיי ווערט דעריבער אין דער רוסישער געשיכטע אנגערופען „לזשע־דמיטרי,“ דאס הייסט: „פאלשער דמיטרי.“ נאך דעם טוידט פון איוואן גראזני זיינען פון איהם געבליעבען צוויי זיהן, איינער מיט'ן נאמען פיאדאר און איינער דמיטרי. דיעזער דמיטרי איז אומגעבראכט געווארען; מען דענקט, אז באריס גאדונאוו, איוואן'ס פערטרויסטער און מעכטיגסטער האפמאן, האט איהם געלאזען טוידטען. איניגע יאהר נאך פיאדאר'ס טוידט האט זיך בעוויעזען א פערזאן מיט'ן נאמען אטרעפיעוו, וועלכער האט זיך אויסגעגעבען פיר דמיטרי, דעם ריכטיגען נאכפאלגער פון טהראן, און ער האט אזוי שטארק געווירקט אויף דאס פאלק, דאס מען האט איהם געקרוינט אלס צאר. ער האט אבער ניט לאנג געהערשט, דען אין א יאהר נאך זיין בעשטייגען דעם טהראן האט מען איהם ערמארדעט. נאך אטרעפיעוו'ס ערמארדונג האט זיך ווידער בעוויעזען א מאן, וועלכער האט זיך אויסגעגעבען פיר דעם אמת'ן

פרינץ, איוואן גראזני'ס זוהן, און האט רוסלאנד אויפגערודערט נאך מעהר וויא דער ערסטער פאלשער דמיטרי. לויט דעם בעריהמטען פוילישען היסטאריקער ניעמצעוויטש איז דער צווייטער פאלשער דמיטרי געוועזען א איד!*)

נאך דער צייט פון דיא דמיטרים איז אידען ווידער פערבאטען געווארען צו זיין אין רוסלאנד, און דיעזער פערבאט האט אנגעהאלטען ביז דער רעגיערונגס-צייט פון עקאטערינא דער צווייטער. אין דעם יאהר 1610, נאך דעם טוידט פון דעם צווייטען דמיטרי, האבען דיא זיעבען רוסישע באיארען, וואס האבען געפיהרט דאס לאנד, איין אן אבמאך מיט פוילען אריינגעשריעבען א פונקט, „דאס דיא פאליאקען זאלען מיט זיך ניט בריינגען קיין איין אידען, סיי א סוחר, סיי ניט קיין סוחר.“ ווען מיכאאיל פיאדאראוויטש, דער ערסטער צאר פון דער פאמיליע ראמאנאוו, איז ארויף אויפ'ן טהראן (ער האט רעגיערט פון 1613 ביז 1645) האבען איהם דיא באיארען דערמאהנט אלע צרות, וואס דער ערסטער דמיטרי האט זיי אנגעטהאן און זיי האבען אויך אריינגערעכענט פיר אן אונפערצייהליכעס פערברעכען, „וואס ער האט מיט זיך געבראכט דיא אידען דיא גאטעס-מערדער (באגאאובייצי“) און האט דאדורך מחלל געוועזען דיא קדושה.“

צאר אלעקסיי מיכאילאוויטש (1645 — 1676) האט בעשטימט א טוידט-שטראף פיר יעדען, וואס פערפיהרט א קריסטען צום יודענטהום. אין דעם יאהר 1650 האט ער ענטזאגט דיא ביטע פון דעם קעניג פון פוילען, וועלכער האט פערלאנגט פיר זיינע אידישע אונטערטהאנען דאס רעכט אריינצוקומען און האנדלען אין רוסלאנד. ווען דיעזער צאר האט איינגענומען דיא שטאדט מאהליעוו און האט דיא בירגער פון דער שטאדט געגעבען א שריפט פון פריווילעגיען (אין 1564), האט ער אין דיעזער שריפט אריינגעשטעלט א פונקט, „אז אין מאהליעוו זאלען אידען ניט טארען וואוינען און ניט פערוויילען; פון דיא אידישע הייזער און הויפען זאל א העלפט אוועקגעגעבען ווערען צום שטאדטראטה און א העלפט זאל זיין פיר אלע בעאמטער, וועלכע מיר וועלען אהער שיקען אונז צו דיענען און צו ערפילען אונזער בעפעהל.“

גראף קארלייל, דער געזאנדטער פון דעם ענגלישען קעניג טשארלז דעם צווייטען צו אלעקסיי מיכאילאוויטש, האט אין זיינעם א בעריכט איבער רוסלאנד געשריעבען: „קיין איד, אויך קיין רוימיש'ער קאטהאליק ווערט אונטער זיי (דיא רוסען) געדולדעט. זיי שיינען פיר דיעזע ביידע צו האבען א בעזאנדערען האס.“**) אלס דער אטאמאן (קאזאקען גענעראל) כמעלניצקי, וועלכער האט רעבעלירט געגען פוילען, האט אין 1554 זיך און זיינע אנהענגער געוואלט שטעלען אונטער דעם שוץ פון רוסלאנד, האט זיי צאר אלעקסיי מיכאילאוויץ ניט געוואלט אננעהמען סיידען זיי זאלען געבען א שבועה אויף איינגע פונקטען, פון וועלכע דער דריטער האט געלויטעט: „קיינע אידען אונטער זיך צו דולדען און ניט אנצוזעהען; ווען זיי דערזעהען א אידען, זאלען זיי איהם נאכשפיאנירען; אויך דאס ווער עס קויפט עטוואס פון א אידען, זאל פיר צוויי מאנאט זיין צוריקגעהאלטען פון דיא רוסישע קירכען.“

פיאדאר אנעקסייעוויטש, וועלכער האט רעגיערט פון 1676 ביז 1682, האט ארויסגעגעבען א געזעץ, לויט וועלכען אידען האבען ניט געטארט קומען פון סמאלענסק אין מאסקווא.

פעטער דער גרויסער (1682 — 1725) האט אויך געהאט א פאראורטהייל געגען אידען און ער האט זיי ניט געדולדעט. „איד“ און „גנב“ האבען ביי איהם געהאט דיא זעלביגע בעדייטונג. דער דייטש'ער שריפטשטעלער קארל יוליוס וועבער זאגט אין זיין „דעמאקריטאס“ אין דעם ארטיקעל איבער רוסלאנד: „נאך יעצט גילט דעם רוסישען ערצפאטערס פעטערס ווארט: „איך ברויכע קיינע יודען אין מיינעם שטאאטע, יעדער מיינער רוסען איזט י ו ד ע גענוג.“

אין פערבינדונג מיט אידען ווערט פון פעטער'ן ערצעהלט פאלגענדע געשיכטע. איינמאל, אלס ער איז געוועזען אין אמסטערדאם, האט דער בירגערמייסטער פון דיעזער שטאדט אויף דעם פערלאנג פון דיא אידען איהם געבעטען ער זאל זיי ערלויבען צו האנדלען אין רוסלאנד. אויף דיעזע ביטע האט איהם פעטער געענטפערט: „מיין הערר וויסטען,“ (אזוי האט געהייסען דער בירגערמייסטער) „איך קען דיא אידען און איך קען מיינע רוסען: נאך איז ניט געקומען דיא צייט דיא אידען צו ערלויבען זיך צו בעזעצען אין מיין לאנד. זאגט זיי אין מיין נאמען, דאס

---

*) יצחק בער לעווינזאהן, אפס דמים, ווארשא, 1884, ז. 20, אנמערקונג.

**) באדענשאטץ, „טייטש-רעדענדער העברעער“. פראנקפורט אונד לייפציג 1756, טהייל 1., זייטע 148.

איך דאַנק זיי פיר זייער אָנבאָטען זיך און דאָס איך האָב מיט זיי מיטלייד, ווען זיי ווילען זיך בעזעצען אין רוסלאַנד; דען אָבוואָהל זיי זיינען בעוואוסט אלס אזעלכע, וועלכע בעטריגען דיא גאַנצע וועלט, האָב איך דאָך מורא, דאָס ביי מיינע רוסען וועט עס זיי ניט געלינגען.“*)

עפּעס אזוי וויא אלס שטראָף פיר דיעזע מיינונג וועגען אידען האָט פּעטער אליין זוכה געווען געשימפּפט צו ווערען מיט דעם נאָמען „איד“. אלס ער האָט זיך גענומען איינצופיהרען רעפאָרמען אין רוסלאַנד — צווינגען דיא רוסען צו גאָלען דיא בערד, אָנטהאָן אַנדערע קליידער או. ז. וו., זיינען פיעלע פון זיינע אונטערטהאַנען אויף איהם געוואָרען אויפגעבראַכט און האָבען איהם געזוכט מיאוס צו מאכען ביי'ן פאָלק. זיי האָבען אונטער'ן עולם פערבּרייטעט אַ קלאַנג, דאָס ער איז ניט דער ריכטיגער פּעטער: דאָס דער צאַר פּעטער אלעקסייעוויטש איז געשטאָרבען ערגעץ אויף זיינע רייזען און אנשטאָט איהם איז געקומען אין מאָסקווא א פערשטעלטער מענש, אַ איד פון שבט דן („זשידאָווין אָט קאָליענאַ דאַנאָוואַ“)!

דאָך האָט זיך אין פּעטער'ס צייט געפונען אין מאָסקווא א געלעהרטער אידישער ארצט מיט'ן נאָמען דניאל וואַן האַדען, וועלכער איז דאָרטען געווען זעהר געאַכטעט. רוסישע שריפטשטעלער ערצעהלען, דאָס דיזער אידישער דאָקטאָר האָט איינגעפיהרט אין רוסלאַנד צו טרינקען טהעע.**)

עקאטערינא דיא ערסטע (1725 — 1727) איז עבענפאַלס געווען פיינדליך צו אידען. אין דעם יאָהר 1654 האָט כמיעלניצקי צוריקגעקעהרט צו רוסלאַנד דיא אוקריינא אָדער קליין רוסלאַנד (דיא גובערניעס קיעוו, טשערניגאָוו, פּאָלטאַווא און כאַרקאָוו) און דאדורך זיינען וויעדער פיעלע אידען געקומען אונטער דעם שוץ פון רוסלאַנד. דעם 14טען מערץ 1727 האָט עקאַטערינא דיא ערשטע ארויסגעגעבען אַ בעפעהל, וועלכע האָט פערבאָטען צו פערפאַכטען דיא שטייער פון גרענעץ און צאָל פון שנאַפּס צו אידען, און אין צוויי וואָכען ארום האָט זיא ארויסגעגעבען נאָך אַ בעפעהל מיט דיעזע ווערטער: „מען זאָל אונגעזאַמט ארויסטרייבען פון רוסלאַנד אלע אידען, מענער און פרויען, און פון דיעזען טאָג אָן און ווייטער זאָל מען זיי מעהר ניט אריינלאָזען; מען זאָל זיי גוט ווארנען וועגען דיעזען בעפעהל און מען זאָל אָנזאָגען, אז זיי זאָלען זיך דערפון ניט מאכען ניט־וויסענדיג. און ווען מען שיקט זיי ארויס, זאָל מען גוט אכטונג געבען זיי זאָלען מיט זיך ניט מיטנעהמען פון רוסלאַנד קיין גאָלדענע און זילבערנע מטבעות; און ווען עס געפינען זיך ביי אידען אזעלכע מטבעות זאָלען דיא רעגיערונגס־בעאַמטע אויסבייטען זיי אויף קופּער מינצען.“

פּעטער דער צווייטער (1727 — 1730) האָט זיך געצייגט מילדער צו אידען, אָבער דאָס איז ניט געווען אזוי פיעל אוים גוטסקייט וויא אויס אינטערעס. אלס דיא אידען זיינען אונטער דער הערשאַפט פון עקאַטערינאַ די 1טע ארויסגעטריבען געוואָרען פון אוקריינאַ איז דער האנדעל שטאַרק געפאַלען. אום דיעזע געגענד ניט צו ברייננגען צו אַ קריזיס, האָט פּעטער אין 1728 אידען געגעבען דיא ערלויבניס צו קומען אין קליין רוסלאַנד צו דיא מאַרק־טעג און ירידען צו האַנדלען. דיעזע ערלויבניס איז אָבער געווען אַ בעשרענקטע: זיי האָבען נאָר געמעגט האַנדלען אן גראָ (האָלסייל), אבער ניט קליין (ריטייל).

קייזערין אננא יאָגאַננאָוונא (1730 — 1740) האָט גענומען וועגען אידען דיא זעלבע שטעלונג ווי פּעטער דער 2טע זי זי האָט זיי ערלויבט צו בעזוכען רוסלאַנד מיט דעם צוועק פון האנדעל; אָבער קורץ פאר איהר טוידט האָט זיא חרטה געהאַט אויף דעם און האָט געזעצט אין קראַפט דאָס אלטע געזעץ אידען אין גאַנצען אויסצושליעסען פון איהר לאַנד.

עליזאַבעטאַ פּעטראָוונאַ (1741 — 1761) איז געגען אידען געווען האַרטער וויא איהרע פאָרגענגער. אין איינעם פון איהרע שריפטען איבער דיא אידען האָט זיא געזאָגט: „איך וויל ניט קיין גוטס און קיין נוץ פון דיא פיינדע פון קריסטוס“ און אין 1742 האָט זיא ארויסגעגעבען אַ שטרענגעם געזעץ געגען אידען בעגלייטעט מיט דיעזע ווערטער: „אזוי באַלד וויא דיעזער בעפעהל קומט אָן צו דיא בעאַמטע און צום פאָלק, זאָלען אלע זאָפאָרט זיך נעהמען ארויסצוטרייבען דיא אידען פון אלע שטעדט פון קליין־רוסלאַנד און גרויס־רוסלאַנד, וויא אויך פון אלע דערפער און בעזעצונגען, ביז איבער'ן גרענעץ פון לאַנד; ארויסגעטריעבען זאָלען זיי ווערען אלע — סיי מענער סיי פרויען, סיי אָרים סיי רייך; און פון יעצט אָן און ווייטער זאָלען זיי מעהר אהער ניט

*) דיעזע געשיכטע האָב איך געפונען אין אַ דייטשער זאַמלונג פון געשיכטליכע אַנעקדאָטען.

**) אפס דמים, ז"ז 21 — 20.

קומען אונטער קיין ענטשולדיגונג און קיין אויס־רייד.״ עליזאבעטא׳ס האס צו אידען איז געגאנגען אזוי ווייט, דאס אין 1749 האט זיא אויסגעוויעזען איהר לייבארצט סאנטשעז, וועלכער האט זיא שוין געהאט בעהאנדעלט זייט 18 יאהר, ווייל זיא האט ערפאהרען, דאס ער איז געוועזן א איד*).

עקאטערינא דיא צווייטע (1762 — 1796) איז אין דער ערסטער צייט פון איהר רעגיערונג אויך ניט געוועזן בעסער צו דיא אידען, אבוואהל זיא איז געוועזן א פרוי פון הויכער בילדונג. אין דעם יאהר 1762, ווען זיא איז ארויף אויף דעם רוסישען טהראן, האט זיא געשריעבען: „אלע נאציאנען זיינען אין מיין לאנד ווילקאמען, אויסער דיא אידען.״ מען דענקט, דאס עקאטערינא וואלט אויך דיא אידען געדולדעט, אבער דער אלטער רוסישער גייסט, וועלכען זיא האט רעספעקטירט, איז איהר געשטאנען אין וועג.

דאך אבער, אלס אין דעם יאהר 1769 איז צו רוסלאנד צוגעגעבען געווארען דיא געגענד, וועלכע איז בעקאנט אונטער דעם נאמען ווייס־רוסלאנד, וואו אידען האבען זיך געפונען אין גרויסע מאסען און וואו זיי האבען ביז דאן געהאט געוויסע רעכטע און פרייהייטען, האט דיא קייזערין ניט געקענט איינגעהען אויף דעם, אז זיי זאלען פון דארטען אויסגעוויעזען ווערען. איהר רעגיערונג איז געוועזן געצוואונגען זיי דארטען צו לאזען, ווייל זאנסט וואלט דער האנדעל אין יענער געגענד פיעל געליטען. עס ווערט בעריכטעט, דאס עקאטערינא די 2טע האט געוואלט די אידען געבען גלייכע רעכטע מיט אלע אנדערע רוסיישע אונטערטהאנען, אבער דער קייזערליכער סענאט האט איהר אין דעם געשטערט. זיא האט דעריבער אויפגעהאלטען דאס אלטע געזעץ, דאס דיא ווייס־רוסישע אידען זאלען ניט אריינקומען אין גרויס־רוסלאנד, און אויף דעם ראטה פון טשערנישאוו, דעם גענעראל גובערנאטאר נאטר פון ווייס־רוסלאנד, האט זי בעפאהלען, דאס אגע אידען, וועלכע וואוינען דארטען, זאלען צאהלען יעדערער א רובעל קאפ־שטייער, און פיר דיעזעם געלד זאלען זיי איינגעשריעבען ווערען אין דיא געמיינדען.

אין דעם יאהר 1780 האט עקאטערינא געגעבען דיא אידען ערלויבניס צו געהערען צו דיא גילדעס פון סוחרים אין דיא צוויי גובערניעס מאהליעוו און פאלאצק און האט בעשטימט, דאס אין האנדעל, פאך און קונסט זאלען אידען האבען גלייכע רעכטע מיט דיא רוסען. אין 1785 איז דיעזע פריווילעגיע אויך געגעבען געווארען צו דיא אידען פון שלאק און ליפלאנד.

נאך גרעסערע רעכטע פון דיעזע האט דיא קייזערין געגעבען דיא אידען אין דעם יאהר 1786, ווען זיא האט בעפאהלען, דאס מען זאל אידען געבען בירגערליכע עמטער און אידישע און קריסטליכע איינוואוינער זאלען אין אלע שטעדט בילדען מאגיסטראטען, געריכטס־הייזער און ראטהס־הייזער (דומעס) נאך דעם פראָצענט פון דיעזע ביידע בעפעלקערונגען. אין יענער צייט האט דיא רוסישע רעגיערונג דיא אידען אויך ערלויבט צו וועהלען רבנים, וועלכע זאלען האבען דאס רעכט צו משפט׳ן און זייער אורטהייל זאל זיין גילטיג אין געוויסע פראצעסען.

נאך דער טהיילונג פון פוילען אין 1793 איז צו רוסלאנד צוגעגעבען געווארען פאדאליען און א טהייל פון ליטא. דאמאלס איז ארויס א געזעץ (אין דעם יאהר 1794) צו נעהמען פון אידישע סוחרים דאפעלטע אבצאהלונגען וויא ביי דיא קריסטליכע. אין 1795, ווען פוילען איז צוטהיילט געווארען צום דריטען מאהל, איז דאן צו רוסלאנד אויך איבערגעגאנגען גאנץ ליטא און קורלאנד. אין דיעזער צווייטער געגענד (קורלאנד) זיינען שוין אידען געוועזן בירגער פיר מעהר אלס 200 יאהר, איבערהויפט אין דער שטאדט האזעפאט. דיא רוסישע רעגיערונג האט דאן ענטשיעדען, אז מען זאל דיא אידען פון דיעזע נייע צוגעקומענע ערטער מאכען פיר שטעדטישע איינוואוינער (נאראדקיע אבייוואטעלי) און זיא האט דעם גובערנאטאר פון פינסק געגעבען א בעפעהל: „איבערצוזעצען דיא אידען פון דיא דערפער אין דיא שטעדט, אום זיי זאלען זיך ניט ארומטרייבען אהין און אהער און ברייננגען שאדען דעם פאלק; זיי זאלען זיך נאר בעשעפטיגען מיט האנדעל און מלאכות און דאדורך ברייננגען נוצען פיר זיך און פיר דיא קריסטליכע איינוואוינער.״ דיעזעס און נאך ווייטערע געזעצע, וועלכע זיינען געגען אידען ארויסגעגעבען געווארען אונטער דער רעגיערונגס צייט פון עקאטערינא די 2טע האבען געלעגט דעם פונדאמענט צו דער זאגענאנטער ״טשערטא אסיעדלאסטי״ צו דעם בעשרענקטען טערריטאריום, אין וועלכען אידען איז אין רוסלאנד ערלויבט צו וואוינען.

דיא ווייטערע געשיכטע אין נעכסטע קאפיטעל.

---

*) ערערא, „דיא רוסישע יודען,״ לייפציג 1903, זייטע 12.

# וועגען נערוועז סיסטעם

שרייבען מכה דער נערוועז-סיסטעם פיר לעזער, וועלכע זיינען וועניג בעקאנט מיט פיזאָלאָגיע אין אלגעמיינעם, איז א זעהר שווערע און אונדאנקבארע ארבייט. מיט אייער בעסטען ווילען קענט איהר ניט בעהאנדלען דעם ענין ווי געהעריג איז, ווייל אייך קומט אוים צו קומען אין צוזאמענשטויס מיט אנדערע אָרגאנען און פונקציאָנען פון מענשליכען קערפער, וועלכע זיינען אין גאנצען פרעמד דעם דורכשניטליכען לעזער. דיא אָרגאנען און פונקציאָנען פון דעם מענשליכען קערפער זיינען אזוי ענג פערבונדען איינע מיט דיא אנדערע, אז עס איז כמעט אונמעגליך צו ריידען וועגען איינע גאנץ בעזונדער און פאָלשטענדיג אונאבהייננג. דער געגענשטאנד איז אָבער אזוי אינטערעסאנט, אז איך גלויב דאָס עס לוינט זיך כאָטשע צו מאכען א גאנץ אויבערפלעכליכע בעקאנטשאפט מיט דיעזע העכסטע וואונדערפאָלע אָרגאנען פון מענשליכען קערפער. מענשען ריידען איצטער אזוי אָפט און אזוי פיעל וועגען „נערוועז" און „נערוועזיטעט," אָפט מיינענדיג, אז דאָס איז נור א פאנטאזיע, אז נערוועז זיינען ״לא היו ולא נברא" און ס'איז נור א מין קראנקהייט, רחמנא לצלן, וואָס מען טרעפט נור ביי ווייבער און משוגעים.

1.

## דיא נערוועז און דיא נשמה.

דיא נערוועז סיסטעם איז דער רוח החיים, דער בעלעבונגס-גייסט, דיא נשמה פון קערפער. ווען מען זאָל זיך קענען פאָרשטעלען דעם מענשליכען קערפער אָהן נערוועז, וואָלט עס מיט זיך פאָרגעשטעלט א בעוועגונגס-לאָזע, פיהלונגס-לאָזע מאססע פון פלייש און ביינער, וועלכע וואָלט גאנץ גיך אָנגעפאנגען צו פוילען. אָהן נערוועז וואָלט דאָס הארץ אויפגעהערט זיין ארבייט; דיא לונגען — זייערע; דיא נירען — זייערע; דער לעבער, דער מאָגען, דיא מוסקעלען — אלע אָרגאנען וואָלטען אויפגעהערט זייערע פונקציאָנען און פון לעבען וואָלט, נאטירליך, גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין.

דאָס זיינען דיא נערוועז, וועלכע רייצען אויף, סטימולירען און בעוועגען אלע אנדערע אָרגאנען פון מענשליכען קערפער צו טהאָן זייערע פונקציאָנען אין א בעשטימטען סדר און אין א בעשטימטער צייט צו בילדען דערפון עטוואס הארמאָנישעם, גאנצעס — דעם לעבען.

דיא נערוועז סיסטעם—דאס איז די נשמה; אָבער ניט דיא נשמה, וועגען וועלכע מיר האָבען אלץ געהערט אין חדר; ס'איז ניט דיא נשמה וואס איז לויטער רוחניות, א „חלק אלה ממעל" — א טהייל פון דעם רבונו של עולם, וועלכע איז פונקט ווי ער כביכול אונשטערבליך. דיא נערוועז-סיסטעם איז ניט קיין רוחניות; עס איז עטוואס וואס האט א ממשות, וואס איהר קענט זעהען מיט אייערע אויגען און טאפען מיט אייערע הענד; עס איז א פשוטער חומר, וויא דיא אלטע אידישע פילאָזאָפען וואָלטען זיך אויסגעדריקט. מיט דעם טוידט פון מענשען שטארבען דיא נערוועז אויך. שטעלט זיך פאָר, אז פון מענשליכען קערפער האט מען צוגענומען דיא פלייש און ביינער, דיא אינגעווייד — אלעס אויסער דיא נערוועז, דאן וואָלט נאָך אלץ געבליבען דיא פאָרמע פון א מענשען; עס וואָלט געבליבען א מענש אזוי וויא אויסגעשטריקט פון באוועל, למשל, דען ס'איז ניטאָ קיין אָרגאן אין מענשליכען קערפער, וועלכער זאָל ניט זיין פול מיט נערוועז.

2.

## גרויע און ווייסע נערוועז-שטאָף.

דיא נערוועז-סיסטעם איז געמאכט פון צווייערליי מאטעריאלען: 1) דיא גרויע; 2) דיא ווייסע. זיי אונטערשיידען זיך איינע פון דיא אנדערע אי אנאטאָמיש אי פיזילאָגיש, ה. ה. סאי אין זייער געבוי און סאי אין זייער ארבייט, אין זייער פונקציאָן. דער גרויער מאטעריאל בעשטעהט פון צעלען, פון ספעציעלע נערוור-צעלען, וואו דיא נערוועז קראפט ווערט ענטוויקעלט. דער ווייסער מאטעריאל איז אזא מין פעדים-ארטיגער געוועב. אין דיעזע נערוור-פעדים ווערט ניט ענטוויקעלט קיין נערוועז-קראפט; זייער עובדא איז צוזאמען צובינדען איין אָרגאן מיט דעם אנדערען, איין טהייל פון קערפער מיט דעם צווייטען; אריבער צו פיהרען דיא ענטוויקעלטע נערוועז-קראפט פון דעם גרויען מאטעריאל אין אלע טהיילען פון קערפער, וואו דיזע קראפט איז נויטהיג.

דער גרויער מאטעריאל פון דיא נערוועז-

סיסטעם קען דארום גאַנץ גוט פערגליכען ווע־רען צו א "פאוער האוז," וואו דיא עלעקטרי־ציטעט ווערט ענטוויקעלט; דער ווייסער מא־טעריאל — צו דיא דראָטען, וועלכע פיהרען דיא עלעקטערישע קראפט פון דיא "פאוער־האוז" צו דיא מאשין. דיעזער פערגלייך איז אויך פא־סענד דערפאר, וואָס דער ווייסער מאטעריאל ציהט זיך ווירקליך וויא פעדימליך אדער דראָטען איבער'ן גאנצען מענשליכען קערפער. דיא נערוו־צעללען בילדען נערוו צענטערען אזעלכע פלעטצער אדער סטאנציעס וואו נערווען־קראפט ווערט פראָדוצירט; דיא ווייסע נערוו־פעדימלאך דיענען, לאמיר זאגען, אלס טעלעגראפישע דראָטען וועלכע פיהרען איינדריקע פון דער אויסערער וועלט צו דיא נערוו־צענטערען און אויך צו פיהרען בעפעהלע, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען פון דיא נערוו־צענטערען צו אללע ארגאנען פון קערפער.



פיג. נומ. 1 — דיא נערוועז פון מענשליכען קערפער.

3.

צום צענטער־פיהרענדע און פון צענטער־פיהרענדע נערוועז.

וויא מיר האָבען געזעהען, האָבען דיא נערוו־פעדימלעך דיא דאָפעלטע עובדא — צו פיהרען איינדריקע, וואָס זיי בעקומען פון דער אויסערער וועלט צו דיא נערוו־צענטערען און צוריק צו פיהרען בעפעהלע פון דיא צענטערען צו דיא פערשיעדענע טהיילען פון מענשליכען קערפער, און דערפאר ווערען זיי טאקע אָנגערופען 1) צום צענטער־פיהרענדע נערוועז און 2) פון צענטער־פיהרענדע נערוועז.

דיא ערסטע ווערען אויך אָנגערופען "פיהלונגס־נערוועז", ווייל זיי פיהלען דיא איינדריקע פון דער אויסערער וועלט און ברייננגען דיעזען פיהלען צום צענטער; דיא צווייטע ווערען אויך גערופען „בעוועגונגס נערוועז" ווייל דורך זיי ווערען געשיקט דיא בעפעהלע פון דעם צענטער צו בעוועגען, צו טהאָן וואס עס איז מיט א געוויסען אָרגאַן.

לאָמיר עס קלערען מיט א ביישפיעל: יעמאנד גיט אייך א שטאָך מיט א נאָדעל און איהר כאפט אוועק דיא האנד. וואס האט דאָ פאַסירט? אָט וואס האָט פאַסירט: דיא נערוו־פעדימלעך, וועלכע געפינען זיך איבער'ן גאנצען קערפער, האבען בעקומען איין איינדרוק אויף דעם פלאץ וואו דיא נאָדעל האָט א שטאָך געטהאָן. זיי האָבען דעם איינדרוק אריבער געשיקט צום צענטער, וואו ער האָט ערוועקט שמערצען: איהר האָט דערפיהלט דעם וועהטאָג. גלייך נאָכדעם איז ארויסגעשיקט געוואָרען א בעפעהל פון צענטער, אז איהר זאָלט צונאפען אייער האנד פון יענעם פלאַטץ, וואו איהר קענט נאָך קריעגען אזעלכע שמערצליכע און אונאַנע־

נעהמע איינדריקע. דיא מוסקעלן זיינען געבראכט געוואָרען אין בעוועגונג — איהר האָט אייער האנד צוגענומען.

דאָך זיינען דיא נעמען "בעוועגונגס־נערווען" און "פיהלונגס־נערווען" ניט גענוי ווייסענשאַפטליך, ווייל דיעזע נערווען האָבען אויך אנדערע פונקציאָנען אויסער בעוועגונג און אויסער פיהלען. מיר ווילען זיי דארום בעסער אָנרופען צום צענטער־פיהרענדע נערווען און פון צענטער־פיהרענדע נערווען.

דיא צום צענטער־פיהרענדע נערווען בעקומען 1) דיא איינדריקע פון אַלגעמיינען פיהלען, ווי שמערצען, היטץ, קעלט א. ז. וו. 2) דיא איינדריקע פון ספּעציעלען פיהלען, ווי טאַפּען, דרוק אין דיא חושים: זעהען, הערען א. ז. וו. 3) זיי סטימולירען דיא נערווען וואָס האָבען צו טהאָן מיט רעפלעקסיווע טהעטיגקייט — דאָס הייסט: טהעטיגקייט אָהן דעם בעוואוסטזיין, אונאבהענגינג פון דעם שכל.

דיא צענטר־פיהרענדע נערווען האָבען דיא עובדא: 1) צו ברייגען מוסקולען אין בעוועגונג — בעוועגונגס־נערווען; 2) צו סטימולירען דיא אָרגאַנען, וואָס האָבען דיא ארבייט צו פּראָדוצירען געוויכע פליסיגקייטען אין קערפּער*); 3) האָבען צו טהון מיט דער נאהרונג; 4) האבען א צוריק האלטענדע ווירקונג אויף דיא ארגאנען, ווען אזא ווירקונג איז נויטהיג.

:4

## דיא צווייערליי נערווען זיינען געמישט איינע מיט דיא אַנדערע.

מיר האָבען דאָ גערעדט וועגען דיא צום צענטער פיהרענדע און פון צענטער פיהרענדע נערווען. מען דאַרף אָבער ניט זיין אונטער דעם פאלשען איינדרוק, אז עס זיינען דאָ צוויי רייהען אדער סעטס פון נערווען. אנאטאָמיש איז דאָ נור איין נערוו אויף דיעזע ביידע פונקציאָנען. יעדער נעץ פיהרט איינדריקע צום צענטער און בעפעהלע פון צענטער. יעדערער פון דיעזע נערווען איז געמישט. ער בעשטעהט פון פעדימלעך וועלכע פיהרען צום צענטער און פעדימלעך וואָס פיהרען פון צענטער. דיא נערווען זיינען אזוי ווי שטריקלעך, וועלכע זיינען געפלאָכטען פון צווייערליי פעדימלעך.

דיא צום־צענטער־פיהרענדע נערווען בעקומען דיא איינדריקע פון דער אויסערער וועלט און פיהרען עס צו דעם גרויען שטאָף, וואָס געפינט זיך אין דעם רוקען־מארך. דער גרויער שטאָף אין דעם רוקען איז אלזאָ, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, דיא ערסטע סטאַנציע. פון דאָרטען ווערען דיא איינדריקע געשיקט צו דיא הויפּט סטאַנציע, צו דעם פיהלונגס צענטער אין דיא געהירען.

דיא פון צענטער־פיהרענדע נערווען קריגען זייערע בעפעהלע פון דעם בעוועגונגס־צענטער אין דיא געהירען; ווערען פון דאָרטען געשיקט צום רוקען־מארך; פון רוקען־מארך דורך דיא בעוועגונגס־פעדימלעך אין דיא געמישטע נערווען צו דיא מוסקעלען. ווען איינער פון דיא געמיישטע נערווען זאָל איבערגעשניטען ווערען, וועט איהר אין יענעם טהייל פערלירען אי דיא קראפט פון בעוועגונג אי דאָס פיהלען. איהר וועט ניט פיהלען דעם שמערץ פון א שטאָך, ווייל דיא נערוו־פעדימלעך וואָס פיהרען דיעזען איינדרוק צום צענטער זיינען איבערגעריסען געוואָרען; צוליעב דיעזעלבע אורזאכע וועט איהר אויך ניט צוכאפּען אייער האנד, ווייל דיא נערוו־פעדימלעך וואָס פיהרען דיא בעפעהלען פון צענטער זיינען איבערגעריסען. עס איז אקוראט וויא מען קען ניט שיקען א טעלעגראמע, ווען דיא טעלעגראפנע דראָטען זיינען איבערגעשניטען.

דיא נערווען ווערען געמייסט נאָכדעם וויא זיי קומען ארויס פון דעם רוקען־מארך. דאָרטען זיינען דיא פיהלונגס־נערווען און דיא בעוועגונגס־נערווען אָבגעזונדערט איינע פון דיא אַנדערע, און געהען זיך אין פערשיעדענע טראַקטען. דיא בעוועגונגס־נערווען געהען פון אויבען אראָב, פון דעם בעוועגונגס־צענטער אין דיא געהירען צו דעם רוקען־מארך און פון דאָרטען צו דיא אָרגאנען; זיי געפינען זיך אין דיא פראָנט־טהיילען פון דעם רוקען־מארך. דיא פיהלונגס־נערווען געהען פון אונטען ארויף; זיי פאנגען זיך אָן אין דיא פערשיעדענע אָרגאנען, גרייכען דעם רוקען־מארך און דורך איהם צום צענטער פון פיהלען אין דיא געהירען; זיי געהען דורך דיא הינטערסטע טהיילען פון דעם רוקען־מארך.

.5

## דער רוקען־מארך.

דער רוקען־מארך איז א לאנגער צילינדערישער אָרגאן, וועלכער איז אויבען פערבונדען מיט דיא געהירען און ענדיגט זיך אונטען אין אזא מין דינען עקעלע, וועלכע בעשטעהט פון גרויען מאטעריאל. ער בעשטעהט אייגענטליך פון איין און דרייסיג שטיקלעך, וועלכע זיינען אָבער אזוי ענג געפלאָכטען און געמישט איינע

*) איהר זעהט צ. ב. ש. ווי איינער עסט א געזאַלצענע אדער זויערע זאַך. דער איינדרוק ווערט גלייך געשיקט צום צענטער. פון צענטער ווערט גלייך געשיקט א בעפעהל צו די אָרגאַנען, וועלכע פּראָדוצירען די שפּייעכץ און זיי פאַנגען אָן צו פּראָדוצירען דיזע פליסיגקייט—ביי איך לויפט שפּייעכץ פון מויל.

מיט דיא אנדערע, אז זיי בילדען איין גאנצעס. דער רוקען־מארך ליעגט אין דעם קאנאל פון דיא רוקען־ביינער, וועלכע בילדען צוזאמען דעם רוקען־ביין. דער רוקען־מארך איז פון זיבצעהן ביז אכטצעהן צאָל לאנג; דיא ברייט און דיא גרעב זיינען ניט איבעראל גלייך.

פון דעם רוקען־מארך געהען ארויס איין און דרייסיג פּאָאר נערווען, וועלכע ווערען פערצווייגט און פערנאנדער געשפּרייט איבער'ן גאנצען קערפּער. דיעזע נערווען זיינען געמישטע, נאָכדעם ווי זיי געהען ארויס פון רוקען־מארך, אָבער אין דעם רוקען־מארך גופא, ווי עס איז שוין געווען געזאָגט אויבען, געהען זיי אין בעזונדערע טראקטען: דיא נערווען פון בעוועגונג אין פאָרענט; דיא נערווען פון פיהלען הינטער.

דער מאטעריאל פון דעם רוקען מארך בעשטעהט פון פינטלאך פון ווייכע נערווען־פעדימלאך און פון גרויע נערווען־צעלען. דער רוקען מארך איז אלזא דארום ניט נור, אום אריבערצופיהרען נערווען־קראפט, זאנדערן אויך געוויסערמאסען א נערוו ־ צענטער, וואו נערווען־קראפט ווערט פראָדוצירט.



פיגור 2. דער רוקען־מארך געשניטען אין דער ברייט; די ווארצלען אין פאָרענט זיינען דיא בעוועגונגס נערווען; אין הינטער — דיא פיהלונגס־נערווען.

דיא הויפט פונקציאן פון דעם רוקען־מארך איז אלס פערמיטלער צווישען דיא נערווען און דיא געהירען. אָהן דעם רוקען־מארך וואָלט געווען אונמעגליך פיר דיא צום צענטער־פיהרענדע נטרווען צו ברייגנען דיא איינדריקע וואָס זיי בעקומען צו דיא געהירען; אָהן איהם וואָלט אויך געווען אונמעגליך פיר דיא פון צענטער־פיהרענדע נערווען צו פיהרען דיא נערוואימפולסען פון צענטער צו דיא פערשיעדענע אָרגאנען פון קערפּער. אום דיעזע פערמיטלונג זאָל קענען שטאטפינדען איז נויטהיג, אז דער רוקען־מארך זאָל זיך געפינען אין א פאָלשטענדיג געזונדען צושטאנד. אויב דער רוקען־מארך איז אין א געוויסען פלאַטץ פערניכטעט, דאן וועלען דיא צום־צענטער־פיהרענדע נערווען, וועלכע געפינען זיך נידעריגער פון יענעם פלאַץ ניט קענען פיהרען דיא איינדריקע צו דיא געהירען און איהר וועט ניט מעהר פיהלען; דיא פון צענטער פיהרענדע נערווען וועלען ניט קענען ברייגנען דיא אימפולסען פון דיא געהירען צו יענע אָרגאנען און קיין בעוועגונג וועט מעהר ניט זיין. ווען איינער צ. ב. ווערט פאראליזירט אזוי, אז ער קען ניט פיהלען און בעוועגען מיט דעם אונטערסטען טהייל פון קערפּער, איז עס א בעווייז, אז דער רוקען־מארך איז אין א געוויכען פלאַטץ, אויף זיין גאנצע גרעב און ברייטקייט, ענטוועדער פערוואונדעט געוואָרען אָדער פערניכטעט געוואָרען דורך א קראנקהייט. אויב נור דער פיהלען פון א בעשטימטען טהייל פון קערפּער איז פערשוואונדען אָדער געענדערט געוואָרען, וועהרענד דיא בעוועגונגען זיינען נאָרמאל, וועט עס הייסען אז דיא פערוואונדונג אָדער דיא קראנקהייט ליעגט אין דיא הינטערשטע טהיילען פון א בעשטימטען פלאַטץ אין רוקען־מארך; פערקעהרט, אויב נור די בעוועגונגען זיינען ניט נאָרמאל — וועט עס הייסען, אז דיא קראנקהייט ליעגט אין דעם פראָנט טהייל פון דעם רוקען־מארך.

## 6.
## דיא רעפלעקסיווע טהעטיגקייט פון דעם רוקען־מארך.

אונטער א רעפלעקסיווע טהעטיגקייט ווערט פערשטאַנען אזא טהעטיגקייט, וועלכע ווערט געטהאָן אונאבהענגיג פון ווילען, אונאבהענגיג פון שכל. דיא געהירען האָבען מיט זיי ניט צו טהאָן. עס איז דער רוקען־מארך, וואו דיעזע טהעטיגקייטען ווערען ענטוויקעלט. ביי אנדערע חיות זיינען דיא רעפלעקסיווע טהעטיגקייטען פיעל מעהר וויא ביין מענשען, ווייל ביין מענשען איז דער רוקען־מארך מעהר אונטערגעוואָרפען אונטער דיא אָבערהערשאפט פון דיא געהירען.

לאָמיר עס אילוסטרירען מיט א ביישפיעל: איהר שלאָפט. יעמאנד קיצעלט אייך אין פיאַטע און איהר רוקט אָב, נאָך אלץ שלאָפענדיג, דיא פוס. דאָס איז א רעפלעקסיווע טהעטיגקייט; דאָס ווערט געטהאָן אָהנע איהר זאָלט דערפון וויסען אָדער דאָס וועלען. אויפ'ן סטריט איז גליטשיג, איהר געהט און איהר האלט ביין פאלען; איהר בייגט זיך אָב אָן א זייט, שטעלט אויס אייערע הענד, געווינט אייער גלייכגעוויכט און פאלט ניט — דאָס איז אויך א רע־

פלעקסיווע טהעטיגקייט. איהר האָט ניט אויסגעלערנט אייער בלאַט גמרא און דער רבי וויל אייך דערפאר אָנפאטשען; איהר שטעלט אונטער אייער האנד — דאָס זיינען אלץ ביישפּיעלע פון רעפלעקסיווע טהעטיגקייטען. דיא געהירען האָבען דערמיט ניט צו טהאָן.

אום אַ רעפלעקסיווע טהעטיגקייט זאָל קענען שטאַטפינדען, מוזען זיין דריי עלעמענטען: 1) א צום צענטער פיהרענדער נערוו; 2) א פון צענטער־פיהרענדער נערוו און 3) א נערוו־צענטער. דער צום צענטער־פיהרענדער נערוו האָט בעקומען איין איינדרוק, וועלכען ער ברייננגט צום צענטער אין רוקען־מארך און פון דאָרטען ווערט ארויסגעשיקט אן אימפולס דורך דיא פון צענטער־פיהרענדע נערווען צו דיא אָרגאַנען.

פיעלע, כמעט דיא גרעסטע טהייל פון דיא רעפלעקסיווע טהעטיגקייטען, קענען קאָנטראָלירט ווערען דורך דעם ווילען. ווען איהר האָט שמערצען, שרייט איהר אויס; דער אויסגעשריי איז א רעפלעקסיווע טהעטיגקייט; איהר קענט אָבער פערקוועטשען מיט דיא ציין אָדער דיא הענד און ניט אויסשרייען. עס זיינען אָבער אויך פאראנען אזעלכע רעפלעקסיווע טהעטיגקייטען, וועלכע איהר קענט בשום אופן ניט קאָנטראָלירען. דארווין דערצעהלט פון זיך, אז ער האָט אמאָל פּרובירט אָנשפּארען זיין שטערן אן דיא גלעזערנע וואַנט פון א שטייג, וואו א שלאַנג איז געלעגען. ער האָט געוואוסט, אז ער איז פאָלשטענדיג זיכער אז דיא שלאַנג קען איהם גאָר נישט טהון. אָבער אַזוי שנעל וויא דיא שלאַנג האָט זיך געטהון אַ וואָרף אין זיין ריכטונג, איז ער אָבגעשפּרונגען צוריק און קיין אנשטרענגונג פון זיין ווילען האָט איהם ניט געקענט העלפען.

אויסער דיזע צענטרען פיר רעפלעקסיווע טהעטיגקייט געפינען זיך אויך אין דעם רוקען־מארך אנדערע ספּעציעלע צענטרען, וויא צום ביישפּיעל דער צענטער פון וואַסער־שלאָגען, פון שטול־גאַנג, פון ערעקציאָן, א. ז. וו.

אין דער נערווען־סיסטעם זאָלס אַ גאנצעס פערנעהמט דער רוקען־מארך א זעהר וויכטיגען פּלאַטץ, דער צווייטער אין וויכטיגקייט נאָך דיא געהירען, וועגען וועלכע מיר וועלען שרייבען ביי א געלעגענהייט.

דר. א. גינזבורג.

# פריהייט

(פון שעלי, איבערזעצט פון ה. רויזענבלאַט).

דיא פייער־בערג ענטפערן איינער דעם צווייטען,
דער דונערענדער עכאָ ערוויעדערט און שאַלט,
איין ברויזענדע כוואַליע וועקט אויפעט א צווייטע
דער מעכטיגסטער אייז־בארג פון פּחד צופאַלט,
וויא באַלד נאר דער האָרן פון שטורם ערשאַלט.

* * *

איין איינציגער בליץ פון דעם פינסטערען וואָלקען
באַלייכטעט א טויזענדע אינזלען ארום,
איין ערד־שטויס, און שטעדט ווערען חרוב ונחרב
און הונדערטע שווידרען אויף נאר פון ברום,
עס פּלאַטערט פאר מורא דיא ערד אומעדום.

* * *

דאָך ז'שאַרפער דיין בליק ווי דער בליץ מיט זיין פייער
פיל שנעלער דיין גאַנג פון דיא ווילדעסטע אָקעאַנען
איין וואָרט דיינס פערטרייבט דיא צובייזערטע ים'ען,
א וואונק פון דיין אויג נור פערבלענדט די וואָלקאַנען
צומישט נאַטור'ס רעגלען, צושטערט איהרע פּלאַנען..

* * *

פון טייכען צו ים'ען פון בערג צו וואָלקאַנען,
דורך וואָלקען און שאָטען און נעבעל געדיכט;
פון פעלקער צו ראַסען, פון לענדער צו לענדער,
אויף שטעדט און דערפער פערשפּרייט איז דיין ליכט
טיראַנען און שקלאַפען וויא שאָטענס פון נאַכט
פערשווינדען וויא נאר דיין מאָרגען ערוואַכט...

# קריטיק.

## איהר אויפגאַבע און וויא זיא איז אין דער אידישער פּרעסע אין אַמעריקאַ.

אַ מאָדנעם מזל האָט דער אידישער עולם צו קריטיק אין דער אידישער ליטעראַטור, דעם זעלבען מזל וואָס אַ בלוטיגער אביון, נעבאַך, האָט צו געלד, איך מיין צו דיא ריכטיגע מזומנים אין בייטעל.. דער אָרעמער אידישער עולם, וואָס מיינט, אז אין זיין יעצטיגער פּרעסע האָט ער קריטיק, אמת'ע קריטיק, „ריכטיגע מזומנים“ איז וויא דער בלוטיגער אביון, וואָס האָט דיא מזומנים אנשטאָדט אין בייטעל אין זיין פאַנטאַזיע!...

דען וואָס איז קריטיק? וואָס איז דיא אויפגאַבע פון דעם וואַהרען, עהרליכען קריטיקער? קריטיק הייסט ניט, וויא מאַנכע מיינען ביי אונז, צו זידלען זיך, „צו רייבען א מאָרדע,“ נור קריטיק הייכט: אַנאַליזירען, צוגליעדערען, אונטערזוכען, פּרובירען, אויב דאָס וואָס מע גיט אָן פיר דיא וועלט אלס ליטעראַטור — אַ דראַמע צו אַ נאָוועלע, צו אן ערצעהלונג און אז. וו. — האלט אוים טאַקי ריכטיג דיא פּראָבע פון ליטעראַטור. אַ גאָלד־שמיעד, וואָס זוכט אונטער, אויב אן אָנגעגעבענער גאָלדענער חפץ איז ווירקליך גאָלד, קען מען מיט רעכט אָנרופען „גאָלד־קריטיקער,“ און א גוטער שוסטער, וואָס זוכט אונטער אַ פּאָאָר שיך, אויב זיי זיינען ריכטיג געמאכט נאָך דיא אלע רעגעלען פון שוסטעריי, קען מען מיט רעכט אָנרופען „שיך קריטיקער.“

אין אונזער טרויעריגער וועלטעל אָבער פערביטען זיך אָפט, צום אונגליק, דיא קריטיקער אין זייערע יוצרות... דער שוך־קריטיקער ווערט אַ ליטעראַטור קריטיקער און דער ליטעראַטור קריטיקער ווערט אַ שוך קריטיקער און דאמאַלסט איז וועה צו דער ליטעראַטור און וועה צו דער שוכטעריי!...

ניט יעדער איז בערופען צו זיין א ליטעראַטור־קריטיקער, וויא ניט יעדער צו זיין א פּאָעט, צו אין אַ פאָרמע פון געדיכטע, צו פון דראַמען, צו פון ערצעהלונגען, וויא ניט יעדער איז בערופען צו זיין אַ מאַלער, אַ מוזיק קאָמפּאָזיטאָר, אן ערפינדער... דערצו מוז מען טאַלענט האָבען. דער אמת בעגאַבטער קריטיקער ברענגט מיט זיך דאָס, וואָס מען רופט „טאַלענט,“ ווען ער ווערט געבאָרען אלס מתנה פון דער מוטער־נאַטור גראדע וויא אלע בעגאַבטע מענשען. דער אמת'ער ליטעראַטור קריטיקער מוז, נאַטירליך, זיין פיעל בעלעזען, ווייל נור אין דיא ווערקע פון דיא דיכטער שעפּט ער זיין בעגייסטערונג און געפינט מאַטעריאל פיר זיין קריטיק; אָבער ניט יעדער מענש, וואָס האָט פיעל געלעזען, קען זיין א ליטעראַטור קריטיקער, אזוי וויא ניט יעדער, וואָס האָט זיך אָנגעהערט פיעל מוזיק, קען אליין ווערען א מוזיקער. דיא הויפּט אויפגאַבע פון דעם אמת'ן קריטיקער איז צו אַנאַליזירען אונפּארטייאיש ליטעראַרישע ווערקע. אין זיין מוח און אין זיין נשמה דארפען זיך אָפּשפּיגלען דיא איינדריקע פון דעם ווערק, וואָס ער לעזט, און ניט פון דער פּערזאָן, וואָס האָט געשאַפען דאָס ווערק.. זיין פּעדער, וואָס געהט שרייבען איבער'ן ווערק, מוז, זאָ צו זאָגען, געטונקט ווערען אין דיא איינדריקע, וואָס זיין נשמה קריעגט פון דעם ווערק און ניט אין דיא פּערזעהנליכע געפיהלען פון פ ר י י נ ד ש אַ פ ט צו פון פ י י נ ד ש אַ פ ט צו דעם פערפאַסער.

ערפילט דער ליטעראטור קריטיקער דיזעס, דאַן לערנט ער דעם עולם, וויא אזוי צו פערשטעהען און צו פיהלען א ווערק, בעלייכטענדיג פיר איהם מיט דעם העלען שיין פון קריטיק דיא שטאַרקע און שוואַכע זייטען, דיא אמת'ע און פאלשע פּסיכאָלאָגישע שטריכען פון דעם ווערק; ערקלערענדיג דאָס אלעם מיט קלאָרע בעווייזע און ביישפּיעלע פון ליטעראַטור און פון לעבען. פון אזא קריטיקער פּראָפּיטירט ניט נור דער לעזער, נור אויך דער שרייבער. דער קריטיקער ווייזט אָן דעם שרייבער אויף פעהלערען אין זיין ווערק, וועלכע ער, דער שרייבער, זעהט אויסצומיידען אין זיינע ווייטערע ווערקע. דער קריטיקער ווייזט אָן אויף דיא גוטע זייטען אין

דעם שרייבער'ס ווערק און דאָס ערמונטערט דעם שרייבער צו שאַפען נאָך בעסערע ווערקע...

אַלזאָ, ד ע ר איז נור אַן אמת'ער קריטיקער, וועלכער לערנט מיט זיינע קריטיקען דאָס פאָלק דענקען און פיהלען און וועלכער איז פעהיג צו ערוועקען אין בעגאַבטע שרייבער לוסט צו שאַפען און אויסצוצייכענען זיך אין זייערע ווערקע. און דאָס קען נור אויספיהרען אַזאַ קריטיקער, מיט טאַלענט, מיט ליעבע צו זיין זאַך; וועלכער קען בעגייסטערט ווערען פון אַ גוטען ווערק, וויא דער אמת'ער מוזיקער פון אַ גוטע שטיק מוזיק. נור אַזאַ קריטיקער אַנאַליזירט אונפאַרטייאיש אַ ווערק, אַזאַ קריטיקער מ ו ז אַרויסגעבען זיינע געפיהלען און איינדריקע, וואָס דאָס ווערק פון'ם שרייבער האָט ערוועקט אין זיין נשמה, גראַדע וויא דיא בלום מוז אַרויסגעבען איהר דופט נאָכדעם, וויא זיא האָט זיך אַנגעזויגט פול מיט טהוי. דען דער גייסט פון דעם אמת'ען קריטיקער ווערט אַנגעצונדען פון דעם גייסט פון דעם דיכטער, וואָס ליעגט אין אַ ווערק, אַזוי וויא אַ ליכט, אַז עס קומט אין בעריהרונג מיט פייער...

אין דער געשיכטע פון דער וועלט ליטעראַטור זיינען דאָ פיעלע און פיעלע ביישפּיעלע וועגען אמת'ע קריטיקער, וואָס האָבען ערמונטערט שרייבער צו שאַפען, ערמונטערט אַזעלכע שרייבער, וואָס זיינען אין דיא שפּעטערע יאָהרען געוואָרען וועלט־בעריהמטע זשעניעס.

דער זשעניאַלער פראַנצויזישער שרייבער גי־דע־מאָפּאַסאַן האָט 12 יאָהר נאָכאַנאַנד געשריעבען סקיצען און האָט זיי מורא געהאַט אַריינצושיקען אין אַ רעדאַקציאָן צום דרוקען, אַזוי וועניג האָט ער דאַן געגלויבט אין זיין טאַלענט!.. ביז איינמאָל האָט ער איבערגעלעזען זיינע אַ סקיצע פיר דעם בעריהמטען רוסישען שרייבער טורגענעוו און זיין פריינד דעם ניט וועניגער בעריהמטען עמיל זאָלאַ. זיי האָבען אויסגעהערט דיא סקיצע מיט בעגייסטערונג, און דיזע בעגייסטערונג פון דיא צוויי גרויסע אויטאָריטעטען קינסטלער האָט איהם ערמונטערט, האָט אַריינגעפלאָסען אין איהם אַ גלויבען אין זיין טאַלענט און ער האָט דאַן געשאַפען זיינע וואונדערבאַרע סקיצען...

דער רעדאַקטאָר פון דעם דייטשען זשורנאַל: „פרייע פאָלקס־ביהנע,“ הערר שמיטה, וועלכער איז אויך אַ בעריהמטער טהעאַטער קריטיקער, האָט מיט יאָהרען צוריק געקראָגען צוגעשיקט אַ דראַמע פון אַן אונבעקאַנטען שרייבער. דיא דראַמע האָט געהייסען „פאַר זאָננאויפגאַנג.“ ווען ער האָט איבערגעלעזען דיא דראַמע איז ער אַזוי בעגייסטערט געוואָרען, אַז ער האָט איינגעלאַדען דעם אונבעקאַנטען שרייבער צו זיך אַהיים און האָט איהם ערמונטערט צו שאַפען נייע ווערקע.. יענער אונבעקאַנטער שרייבער האָט זייט דעם געשאַפען אַנדערע ווערקע. זיין נאָמען איז גערהאַרד הויפּטמאַן, דער אונשטערבליכער דיכטער פון „דיא וועבער,“ „פערזונקענע גלאָקע,“ „האַנעלעס הימעלפאַהרט“ און פון נאָך אַנדערע זשעניאַלע ווערקע...

ווען דער גרויסער רוסישער קריטיקער ביעלינסקי האָט איבערגעלעזען דעם מאַנוסקריפּט פון דעם ערשטען ווערק פון דעם שפּעטער וועלט־בעריהמטען פּסיכאָלאָג ראָמאַניסט פיאָדער דאָסטאָיעווסקי: „ביעדניע ליודי,“ איז ער גלייך אַוועקגעלאָפען צו איהם איז איהם אַרויפגעפאַלען אויפ'ן האַלז און האָט זיך צו־וויינט אויס בעגייסטערונג פון דעם ווערק!

אָט אַזוי ווערט בעגייסטערט דער אמת'ער קריטיקער פון דעם גוטען ווערק און אויף אַזאַ אופן ווירקט ער אויף דעם שרייבער, וועקט אין איהם אויף דאָס גלויבען אין זיך אַליין, אָהן וועלכען אַ שרייבער קען ניט שאַפען, און אָט אַזוי ליעבט דער אמת'ער קריטיקער זיין זאַך!..

נאַטירליך, עס זיינען דאָ פערשיעדענע קריטיקער, וואָס שטעלען גאַנץ אַנדערע פאָדערונגען אַ שרייבער. איינער פאָדערט אַ געוויסען מוסר השכל פון אַ ווערק, אַ געוויסע טענדענץ זאָל דאָס ווערק אין זיך ענטהאַלטען, דער צווייטער, פאַרקעהרט, פאָדערט, אַז דאָס ווערק זאָל אין זיך ניט ענטהאַלטען קיין שום טענדענץ; איינער פערלאַנגט, אַז אַ ווערק זאָל אין זיך אָפּשפּיעגלען נור דיא שעהנע, דיא ליכטיגע זייט פון לעבען, אַ צווייטער פערלאַנגט, אַז דאָס ווערק זאָל אין זיך אָפּשפּיעגלען דיא שעהנע אַזוי אויך דיא מיאוסע, דיא עקעלהאַפטע און דיא טרויעריגע זייט פון'ם לעבען און אַז. וו. אָבער קיינער פון דיא קריטיקער, אויב ער איז נור אַן אמת'ער קריטיקער, וועט ניט אַפּלייקענען דעם טאַלענט פון דעם שרייבער, אויב יענער האָט נור טאַלענט, מעג ער זיין טענדענציעז צו ניין, מעג ער מאָהלען דאָס שעהנע פון לעבען, צו דאָס מיאוס'ע, דאָס עקעלהאַפטע. צום ביישפּיעל, אַ קריטיקער פון דער רעאַליסטישער ריכטונג וועט ניט צופריעדען זיין מיט דעם ראָמאַנטיזמוס פון אַ וויקטאָר הוגאָ, אָבער קיין אמת'ער קריטיקער פון

דער רעאַליסטישער ריכטונג וועט דערפּאַר, ווייל וויקטאָר הוגאָ איז ניט קיין רעאַליסטישער שרייבער, ניט וואגנען אָפּצולייקענען דעם זשעניאַלען טאַלענט פון דעם גרויסען פראַנצויזישען דיכטער... נ. מיכאַילאָווסקי איז געווען אַ פערביסענער געגנער פון זאָלאַ'ס „עקספּערימענטאַלע" ראָמאַנען, דאָך האָט ער אין זיין ביסענדעסטער קריטיק צוגעגעבען, אז זאָלאַ האָט אַ אונגעוועהנליך גרויסען טאַלענט. מיט אַנטאָן טשעכאָוו איז דער זעלבער קריטיקער אויך אַ לאַנגע צייט געווען אונצופריעדען, ספּעציעל פיר דאָס „קאַלטע בלוט", וואָס טשעכאָוו ווייזט אַרויס צו זיינע העלדען, פון דעסטוועגען האָט מיכאַילאָווסקי ניט אָפּגעלייקענט טשעכאָוו'ס גרויסען טאַלענט. און דאָך איז מיכאַילאָווסקי געווען פון דיא שטרענגסטע ריכטער אין דער רוסישער ליטעראַטור, מיט קיין זיידענע הענדשיקעס האָט ער ניט בעהאַנדעלט ווערקע און שרייבער, וואָס זיינען איהם ניט געפעלען געווען. אין רוסלאַנד איז דאָ אַ געוויסער ראָמאַנען-שרייבער אַרלאָווסקי. דיעזער אַרלאָווסקי איז זעהר אַ קאָנסערוואַטיווער שרייבער, אַ מיטאַרבייטער פון דעם קאָנסערוואַטיווסטען רוסישען זשורנאַל „רוסקי וויעסטניק." פון דעסטוועגען האָט אַזאַ פּראָגרעסיווער קריטיקער וויא סקאַביטשעווסקי ניט אָפּגעלייקענט דעם שרייבער'ס בעדייטענדען טאַלענט.

* * *

זיינען אַזוי אויך אונזערע אידישע קריטיקער אין אַמעריקאַ? קענען זיי זיך אַמאָל אויף אַן אמת הינרייסען מיט אַ גוטען ווערק פון אַ היגען שרייבער? פערטראַגען זיי זיך אונפּאַרטייאיש צו דיא ווערקע פון שרייבער?.. ליידער, ליידער!...

איך האָב אַמאָל געהערט, וויא אונזערער אַ קריטיקער האָט מיט בעגייסטערונג גערעדט וועגען אַ געוויסען אייראָפּייאישען קריטיקער: „יענער איז טאַקי אַ ריכטיגער קריטיקער. אז ער וויל, טהוט ער אַן איינעם אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ און אז ער וויל, בעגראָבט ער איינעם ניין איילען אין דער אדמה!..."

פערשטעהט איהר, וואָס קריטיק הייסט ביי אונזערען אַ קריטיקער? „אז ער וויל!.." עס איז ניט קיין פראגע פון טאַלענט, פון ווערק; עס איז ניט קיין פראגע, צו יענער פערדיענט דיא קרוין, צו דער אנדערער פערדיענט דיא ניין איילען אין דער אדמה, — ניין, עס איז נור אַ פראגע פון דעם „אז ער וויל," פון דעם קריטיקערס פערזעהנליכע געפיהלען צום שרייבער...

דערפאַר טאַקי קומט אונז אויס אָפט צו לעזען אין אידישע צייטונגען מיינונגען וועגען איינעם און דעם זעלבען ווערק, וואָס אונטערשיידען זיך איינע פון דער אנדערע וויא ווייס פון שוואַרץ. למשל: אַט האָט מען אויפגעפיהרט אַ נייע פּיעסע אין אַ טהעאַטער. איין צייטונג לויבט דיא פּיעסע אין טאָג אַריין, דיא צווייטע — לאַכט זיא אויס און שרייבט בפרוש, אז זיא איז אַ שמאַטע... דיא דריטע צייטונג שרייבט בפרוש, אז זיא איז שטאַרק אַמוזירענד און האָט ביים פּובליקום זעהר אויסגענומען און דיא פערטע צייטונג שרייבט בפרוש, אז דיא פּיעסע איז לאַנגווייליג ביז חלשות און דאָס פּובליקום מיט דיא אַקטיאָרען גענעצען פון לאַנגווייליגקייט...

אז איהר האָט איבערגעלעזען דיא אַללע „קריטיקען," פיהלט איהר זיך צומישט שטייטש, וויא איז דאָס מעגליך — פרעגט איהר ביי זיך — אז דיא פּיעסע זאָל זיין אַזוי שלעכט, ווען יענער שרייבט בפרוש, אז זיא איז אַזוי גוט?

דער תירוץ איז: „אז ער וויל!.."

דאָס גרעסטע מייסטערווערק איז ניט אָהן פעהלערן; די זון אַפילו האָט אויך איהרע פעהלערן שעקספּיר אליין האָט זיך אויך זיינע פעהלערן, און, פערקעהרט, דאָס שוואַכסטע ווערק, געשאַפען פון אַ מענשען מיט טאַלענט, האָט זיך זיינע גוטע זייטען. פון אונזערע קריטיקער אָבער קענט איהר דאָס ניט וויסען: זיי אַנאַליזירען ניט, זיי צוגליעדערען ניט קיין ווערק. דאָס ווערק אינטערעסירט זיי ניט, ליטעראַטור איז פאַר זיי נאָר אַ מיטעל, ניט קיין צוועק. עס אינטערעסירט זיי נור דיא פערזאָן פון שרייבער; זייער מיינונג וועגען זיין ווערק הענגט אימער אָפּ פון זייערע פ ע ר ז ע ה נ ל י כ ע בעציהונגען צו איהם, איז ער גוט מיט זיי, דאַן וועלען זיי איהם אַנטאָן אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ, נאַטירליך, פון צייטונגס-פּאַפּיער; איז ער אָבער, חס וחלילה, מיט זיי צוקריעגט, דאַן... דאַן וועלען זיי שוין איהם זוכען צו בעגראָבען אין אַ קבר אָהן אַ סענט קבורה געלד! . . .

איך קען אונזערען אַ קריטיקער, וואָס האָט איינמאָל געלויבט אין טאָג אַריין אַ ווערק פון אַ געוויסען שרייבער און אויף מאָרגען האָט ער דאָס זעלבע ווערק אין אַ פּריוואַט געשפּרעך געלייגט אין דר'ערד. פרעגט מען ביי איהם: „שטייטש, ר' קרוב, דוא האָסט דאָך ערשט נעכטען אַזוי געלויבט דאָס זעלבע ווערק?" ענט-

פערט ער: „היינט וואָלט איך שוין דאָס ווערק געליינגט טיעף אין דער ערד. נעכטען האָב איך עס געלויבט, ווייל נעכטען האָב איך ניט געוואוסט, וואָס איך וויים היינט...“

„וואָס אזוינס האָסטו היינט זיך דערוואוסט, ר' קרוב? עפּעס אַ נייע טהעאָריע וועגען ליטעראַטור?...“

„מע האָט מיר איבערגענעבען, אַז ער זאָגט, אַז איך בין ניט קיין קריטיקער.“

מיט איין וואָרט, אין אונזער פּרעסע פעהלט עהרליכע, געוויסענהאַפטע און אונפּאַרטייאישע קריטיק — דאָס וואָס עס איז דיא נשמה פון אלע אַנדערע ליטעראַטורען. אַ שווארצער טייפעל הערשט אין איהר, אַ שרעקליכער טייפעל, וועלכער זייהט קנאה און שנאה צווישען אונזערע שרייבער אליין... ניט דיא שעהנע גאָטהייט, דיא קונסט, זינגט איהרע זיסע טענער אין דער נשמה פון אונזערע שרייבער, וועקענדיג אין איהר ליעבע און בעגייסטערונג צו שאַפען אַ ליטעראַטור, נור אַ שווארצער, אַ שרעקליכער טייפעל זיצט אין איהר און וועקט געפיהלען פון פיינדשאַפט און ניט פערגינען דעם צווייטען!... ניט דיא ליעבע צו ליטעראַטור פיהרט דאָ אונז דיא פעדער פון דעם קריטיקער, נור דיא ליעבע צו זיין אייגענער קליינינצקער פערזעהנליכקייט!... עס הערשט אין אונזער ליטעראַטור דער גייסט פון יענעם ווילדען, וועלכער אויף דיא פראַגע: „וואָס איז עהרליך און וואָס איז ניט עהרליך,“ האָט גע־ענטפערט: „עהרליך איז, ווען איך נעהם צו יענעמ'ס ווייב, און אונעהרליך איז, ווען יענער נעהמט צו מיין ווייב“. דיזער ווילדער גייסט דריקט זיך אויס ביי אונזערע קריטיקער אין אַ מעהר ציוויליזירטער פאָרמולע: „ווער עס איז ניט מיט מיר, יענער איז געגען מיר און יענעם דאַרף מען רייבען אַ מאָרדע!...“

עס מוז געשאַפען ווערען אין אונזער ליטעראַטור אַן אונפּאַרטייאישע קריטיק, וואָס זאָל קריטיקירען דאָס ווערק אָבגעזעהען פון דער פערזענליכקייט פון דעם שרייבער, וואָס זאָל ניט בעטראַכטען ליטעראַטור אַלס אַ פּלאַטץ, וואו צו רעכענען זיך מיט געוויסע פערזאָנען, נור אַלס אַ קדשי קדשים, וואו עס שוועבט דער גייסט פון טאַלענט; וואו עס רוהט, וויא אַ פּערל אין דעם טיעפען שוים פון'ם ים, נאַטור'ס שעהנסטע און עדעלסטע מתנה!

אזא אונפּאַרטייאישע קריטיק קען נור און מוז שאַפען דיא „צוקונפט!...“

ברוך לערנער.

## ערהאַלטען פאָלגענדע נייע ביכער.

„דער עקאָנאָמישער ליגע“ פון מאַקס נאָרדוי, איבערזעצט פון ר. ראַקער, ארויסגעגעבען פון דער גרופּע „ארבייטער פריינד“ אין לאָנדאָן.

„ליעבע און פאַמיליען לעבען לויט אידישקייט“, פון ב. פייגענבוים, ארויסגעגעבען פון א. הילמאַן, 50 סאָפאָלק סט.

# נייע ביכער

## געזאמעלטע ליעדער פון מאָררים ראָזענפעלד.

ארויסגעגעבען פון דער
אינטערנאציאָנאַלער לייברערי פּובלישינג קאָמ.

ראָזענפעלד׳ס דיכטונגען פערנעהמען א בוך פון 350 זייטען און ענטהאלטען א זאמלונג פון די ליעדער, וועלכע דער פּאָעט האלט פאר זיינע בעס־טע און געראָטענסטע. זיי זיינען צוטהיילט אין ארבייטער און פריוהייטס ליעדער, נאציאָנאַלע און פאָלקס ליעדער, לירישע ליעדער, סאטירי־שע ליעדער און פערשיעדענע ליעדער. דער בוך גיט גענוג מאטעריאל אָבצושאצען דעם דיכטערס טהעטיגקייט און פיהרט אונז אריין אין דעם געפיהלס און געדאנקען לעבען פון איינעם פון דיא בעסט בעקאַנטע לעבענדע דיכטער פון דעם אידישען פאָלק. דען פריהער פאר אַלעס, און כמעט אין גאַנצען, איז ראָזענפעלד א קינד פון דער ארבייט און א דיכטער פון פאָלק. זיינע בעסטע ליעדער זיינען ארויסגעשפּראָצט פון פאָלקס־לעבען און פון זיינע ליידען, און איבער זייקען ער זיך אויך ניט ארויפהויבען. עס וויהעט דורך דעם בוך א טיעף שמערצליכער קלאנג פון ליידען און פיין, עס הערט זיך דורך איהם א טרויער־געזאַנג, וויא דער אַלטער איכה־מאָ־טיוו פון דעם מאַרטירער־פאָלק.

אַלס אַן אָרים קינד פון אונזער ליידענריי־כען פאָלק האָט דער דיכטער זיין לעבען פער־בראכט אין הארטען קאמפּף פאר דיא מאטער־יעלע עקזיסטענץ. צו דיא ליידען, וועלכע אַלע אידישע קינדער אין פּוילען קריעגען מיט א פולע האנד און האָבען גע׳ירש׳עט פון פריהערע דורות, האָט דאָס לעבען צוגעלייגט דעם שווע־רען קאמפּף פון איינעם וואָס איז בּערוואָגעלט אין א פרעמדע לאנד און מוז דורך שווערע און אויסצעהרענדע ארבייט פערדיענען זיין ברויט. דאָס איז געוועזן אין דער טרויעריגסטער צייט פון דער אידישער עמיגראציאָן אין אמעריקא. וואָס איז דער וואונדער, אז טרויעריג קלינגט דאָס ליעד פון זינגער און אז אָהן האָפנונג און אָהן לעבענספרייד הערט זיך זיין שטימע? גרוי און שווארץ, איינזאם און פערלאָזען זיינען דיא שטימונגען און מאָמענטען אין דעם דיכטער׳ס בעסטע ליעדער, אין זיין ליריק.

עס איז פערשטענדליך פיר דעם קענער פון פּאָעזיע, אז א דיכטער וויא ראָזענפעלד, דורך זיין געבורט און זיינע אומשטענדען אין לעבען, זאָל זיין אַם בעסטען אין זיינע לירישע דיכטונ־גען, דען וואו דער שמערץ שפּיעלט מיט זיינע הארטע פינגער איבער דעם דיכטער׳ס קלינ־גענדער נשמה, וועלען אימער זיינע ליעדער ענטהאַלטען אין זיך זיינע אינערסטע געפיה־לען. און וואו דעם דיכטער האָט געפעהלט דיא גרויסע בערוהיגענדע הילפע פון א מאָדערנער בילדונג, וואו ער מוז אין שפּעטערע יאהרען קעמפּפען פאר יעדער ביסעל וויסען, דאָרט וועט דער קינסטלער זוכען זיך צו געפינען, צו דערגעהען זיין שטעלונג צו דער וועלט און צום לעבען. און טרויעריג קלינגט דערפאר דעם דיכ־טער׳ס ליעד, האָפנונגסלאָז. אין זיינע „הערבסט בלעטלאך“ הויבט ער אָן:

> איינזאַם זיץ איך, וויא געפאַנגען
> פון אַ זעלטזאַמען געפיהל:
> עפּעס האָב איך איין פערלאַנגען,
> דאָך איך וויים ניט, וואָס איך וויל.
> זיינען פרוידען, זיינען ליידען
> ערגעץ וואו פיר מיר בעשטעלט?
> קראַנק איז איינער פון אונז ביידען! —
> זאָגט: בין איך עס, צו דיא וועלט?

דיא וועלט איז ליידער קיינמאָל ניט קראנק, אונז אָבער מאכט זיא יא קראנק. נאָר דאָך קען א קינסטלער זיך א הויב טהאָן איבער דער קראנקהייט און גענעזען צו ווערען אין דעם לאנד פון דער שעהנהייט, זיך איינצוהערען אין דיא טיעפע טענער פון לעבען, און פון דיא בערג פון גליק ארונטערצוקומען צו דיא מענשען אין

טהאָל פון עלענד און מיט דעם באַלזאַם פון טרייסט צו לינדערען זייערע וואונדען. אָבער דאָס האָט ראָזענפעלד ניט געקענט. עס שיינט, אַז עס פעהלט איהם גלויבען גענוג זיך צו הוי־בען אין דער הויך מיט דיא אַלטע אידעאַלען, און עס פעהלט איהם אַ ברייטע וועלטאַנשוי־אונג און פערשטענדניס פון דער נאַטור, אום אַרויפצופליהען מיט דיא פליגלען פון נייע אידעאַלען. דארום ווערט זיין דיכטער הערץ צוריסען, און אַ שוואַרצער וואָלקען היינגט אי־בער איהם. אַ קינד פון ליידען, קען ער ניט קעמפפען, און אין דיא אלול „מעלאָדיען" זינגט ער הילפלאָז:

אָ, וואָס'זשע וויין איך, ווען איך זעה
דעם אבשייד פון דעם זומער?
פאר וואָס ערגרייפט אַ טיעפער וועה
מיך אָן, אַ טיעפער קומער?

פאר וואָס ערשרעק איך וויא אַ קינד
ביי'ם וועלקען פון דיא בלומען,
ביים ערשטען פייף פון רויהען ווינד
וואָס זאָגט אָן ווינטערס קומען?

איך ווייס ניטט, וואָס מיין שרעק בעדייט,
איך ווייס נאָר, אַז דיא טרעהרען
אין יעדען יאָהר צו דיעזער צייט
ערשיינען גרינג און גערען;

איך ווייס נאָר, אַז אין בוזים נאָגט
און גריזשעט וויא אַ וואָרים,
און טיעף אין האַרץ אַ שטימע זאָגט:
זעה! קברים, קברים, קברים!...

דאָ צייגט דער דיכטער זיין בעסטען קענען. אָהן אָנשטרענגונג זינגט ער זיין שטילעס ליעד. ער זינגט ווירקליך, דען ער האָט אַן אויסגעציי־כענטען קלאַנג, וועלכער קלינגט אזוי נאַטירליך וויא דאָס מורמלען פון שפּרינגענדען קוואַל. עס הערט זיך מוזיק און געפיהל אין זיין פערז, נאָר ליידער פעהלט טיעפקייט אין דעם גרעסטען טהייל פון זיינע ליעדער. מען זעהט אויך, אַז דער שמערץ פון דיכטער איז, צום גרעסטען־טהייל, אַרויסגערופען דורך מאַטעריעלע ליי־דען און אומשטענדען. צופיעל אַרבייטער ליי־דען, און דאָס אויך מייסטענס פּערזענליכע. דערפאַר זיינען דיא פון זיינע אַרבייטער ליע־דער, וועלכע טראָגען אַ לירישען פּערזענליכען כאַראַקטער דיא בעסטע, מען פיהלט דאָ דעם שמערץ, ביטער און עלענד, און דאָך בלייבט דער דיכטער אזוי איינפאַך און שטיל, אַז דיא וואהרע גרויסקייט פון דעם פאָלקסליעד ווערט דערגרייכט. מיר זיינען בעקאַנט וועניג פאָלקס־ליעדער, וועלכע זיינען בעסער וויא דאָס ליעד „מיין איינגעלע". אין זיין מערקווירדיגער איינ־פאַכקייט, אַ טיעפער אינערליכער שמערץ, אַ שטילע ביטערקייט, און אַלעס געהט זיך רוהיג זיין וועג. די סאָציאַלע אונשולד פון דעם ליעד איז אַ טהייל פון זיין ווערט. עס פעהלט אין דעם ליעד דער טראָטץ פון דעם קעמפּפער, אָבער דיא שיינהייט פון דעם געדיכט ווערט ניט גע־שטערט. און דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגען וועגען דעם אָנפאַנגס פערז „אין שאַפּ און דער היים:"

איך זיטץ און איך טרייב דיא מאַשינע,
און פיהל וויא מיין כח געהט אויס;
איך טראָג ניט אויף קיינעם קיין שנאה,
און פרעמד איז מיר ראָבע און קנאה,
דער וועהטאָג אין הערץ נאָר איז גרויס.

נאַציאָנאַלע ליעדער אָבער זינגט זיך דעם דיכטער גאָר ניט, עס שיינט, אַז עס פעהלט איהם, וויא איך האָב אויבען געזאָגט, דער גלויבען. איך האָב ניט געקענט געפינען אין זיין בוך איין נאַציאָנאַלע ליעד, וועלכע זאָל זיך קע־נען גלייכען צו זיינע לירישע ווערק. פון קליינעם ווערט זיינען אויך זיינע סאַטירישע געדיכטע. איך מוז אָבער דאָ זאָגען אַז ראָזענפעלד צייגט אַ גאַנץ גוטע טאַן פון אַן ערצעהלער, פיעלייכט וועט ער אין זיינע ווייטערע ווערקע אונז שיינ־קען באַלאַדען. מיר האָבען זיי ווירקליך נויטיג.

דער בוך איז זעהר שעהן אַרויסגעגעבען, אויף גוטען פּאַפּיער, גוט געבונדען, זאָגאַר מיט צופיעל גאָלד. אייניגע פון דיא אילוסטראַציאָ־נען זיינען גרויסאַרטיג, איבערהויפּט דאָס ירושלים בילד. עס איז איבעריג דעם אידישען פאָלק צו ראַטהען צו קויפען דיא ליעדער פון זיין דיכטער אין אַמעריקא.

מ. לעאָנטיעף.



אלעקסאנדער יאָנאַס.

# לעבע וואהל, אלטער פרייהייטס־קעמפפער!

## צום 70 יעהריגען געבורטס־טאָג פון גענאָסע אַלעקסאַנדער יאָנאַס.

מיט רעכט האָט דיא „ארבייטער וועלט,“ דער אָרגאַן פון דיא פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, בעגריעסט גענ. אַלעקסאַנדער יאָנאַס צו זיין 70 יעהריגען געבורטס־טאָג מיט דעם נאָמען „אונזער אמעריקאַנער רבי.“ דיעזען נאָמען האָט ער כשר פערדיענט ניט נאָר אלס איינער פון די פיאָניערען פון סאָציאַליזמוס אין אַמעריקאַ, אַלס אַ פיהרער פון דייטשע ארבייטער, זאָנדערען אויך אַלס אַן אונטערשטיצער פון אידישע יוניאָנס, אלס אן אויפמונטערער און וועגווייזער אין דיא שטרעבונגען און קעמפפע פון אידישע ארבייטער צו פערבעסערען זייער לאַגע.

וועלכע אידישע יוניאָן, פרעגט דיא „ארבייטער וועלט“, האָט זיך ניט געווענדעט אין דער הייסעסטער מינוט, אין רעכטען פלאַקער פון סטרייקס, צו דיעזען אַלטען קעמפפער, ער זאָל זיי ערמונטערען מיט זיין הייסען פריינדליכען וואָרט און זיי צייגען אַ וועג צו געווינען זייער קאַמפף? נאָך מעהר קענען עס זאָגען אלע אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָנען. ער איז געוועזען אין פולען זינען זייער לעהרער און ערציהער אי מיט זיין גלענצענדער פעדער אי מיט זיינע ריהרענדע און בעלעהרענדע רעדעס. עס איז זיכער, אַז קיינער פון דיא דייטש־ אָדער ענגליש־שפּרעכענדע סאָציאַליסטען אין אַמעריקאַ האָט ניט געהאַט אַזאַ טיעפען און פרוכטבאַרען איינפלוס אויף דיא אויפגעקלערטע אידישע ארבייטער וויא גענ. יאָנאַס, וועלכער איז גאַנצע 35 יאָהר געשטאַנען אין דיא פאָרדערסטע רייהען פון דיא קעמפפער פאר סאָציאַליזמוס אין דער נייער וועלט.

דיא „צוקונפט“, אלס קינד פון זיינע אידישע שילער, בעגריסט איהם דאַרום אויך מיט דיא ווערטער „אונזער אַמעריקאַנער רבי“ און ווינשט איהם אַ לאַנגען לעבען אין זיין אונערמידליכען קאַמפף פיר דיא בעפרייאונג פון פּראָלעטאַריאַט.

עהרליך און טריי איז ער פערבליעבען צו דיא אידעאַלען פון זיינע יונגע יאָהרען. נאָך אלס שול־אינגעל איז ער שוין געוועזען פול מיט רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען. דאָס דערצעהלט ער אין אַ העכסט אינטערעסאַנטען און בעלעהרענדען ארטיקעל, וועלכער איז אבגעדרוקט געוועזען אין דער „צוקונפט“ פון אָקטאָבער 1894 אונטער דעם נאָמען „מיין ערשטער שריט צום סאָציאַליזמוס.“ ער שילדערט דאָרט זעהר לעבהאַפט, וויא ער האָט צוגעזעהען דיא רעוואָלוציאָן פון 18 מערץ 1848 אין בערלין, און ער ערקלערט, ווי דיזער גרויסער קאַמפף פיר פּאָליטישע פרייהייט האט איהם ארויפגעבראַכט אויף דעם געדאַנקען וועגען עקאָנאָמישע גלייכהייט.

ווען ער האָט געזעהען וויא דיא בורזשואַ האָבען געשאָסען אויף אַרבייטער, וועלכע האָבען פערלאַנגט עקאָנאָמישע רעפאָרמען אין 1848, האָט ער זיך געשטעלט דיא פראגע „וואָרום?“ און דאָס, ערקלערט ער, האָט איהם „געפיהרט צו בעגרייפען, דאָס אומעטום זיינען דאָ צוויי קלאַסען, וועלכע זיינען אין זייערע אינטערעסען צוטהיילט אויף צוויי פיינדליכע לאַגערן — דער לאַגער פון דיא אויסבייטער און דער לאַגער פון דיא אויסגעבייטעטע.“

אונזער בעגריעסונג קענען מיר ניט בעסער שליעסען וויא מיט זיינע אייגענע ווערטער אין יענעם אַרטיקעל:

„דאָס (דער קאַמפף פון דיא בערלינער ארבייטער אין 1848) איז געוועזען דער ערשטער שריט פון דעם קנאַבע (ער מיינט, ווען ער איז נאָך געוועזען אַ 14 יעהריגער אינגעל) צום סאָציאַליזמוס. עס איז אפילו געוועזען אן אונזיכערער שריט — דער קנאבע האט מעהר געשפיערט וויא פערשטאַנען — אָבער דיעזער שריט האָט איהם געפיהרט ווייטער, ביז ער האָט פאָלשטענדיג בעגריפען דיא גאַנצע בעדייטונג פון דיא לעצטע שורות פון הערוועג'ס ארבייטער ליעד:

„ברעך דאָס דאָפּעל־יאָך אין צוויי:
ברעך דיא נויט דער שקלאַווערייא,
ברעך דיא שקלאַווערייא דער נויט —
ברויט איז פרייהייט, פרייהייט איז ברויט!“

# הירש לעקערט

## און דיא ווילנער מאי דעמאנסטראציאן אין 1902.

דיא אידישע פרעסע האט ליעב צו שטאלצירען מיט'ן אידישען פאלק. ווער איז אבער ביי איהר דאס פאלק? דאס זיינען געוועהנליך אידישע גדולים, וועלכע האבען מייסטענס וויניג־וואס שייכות מיט'ן פאלק, וועלכע שטעהען ווייט און אפגעזונדערט פון דיא גרויסע מאסען פון פאלק. דיעזע פרעסע דערצעהלט אונז, אז דיא אידען האפנונג איז נאך ניט פערלארען, אז דיא אידען מעגען קוקען זיכער אין דיא צוקונפט אריין, כל זמן זיי שטעלען ארוים אזעלכע פערזאנען. אפילו אידען וועלכע קענען קריעגען ביי רעגירונגען טשינען און מעדאילען, געהערען אויך אין איהרע אויגען צו דיא גדולים; זיי ווערען אויך גערעכענט פאר א שטאלץ און א האפנונג.

מיר אבער האבען וועגען דעם א גאנץ אנדער מיינונג. מיר דיינקען גראדע פארקעהרט, אז וועה וואלט געוועזען דעם פאלק, ווען ער וואלט געבויט אלע זיינע האפנונגען אויף איינצעלנע פערזאנען פון דיא פריווילעגירטע מינאריטעט, אז מען וואלט זיך בשום אופן ניט געקענט איבערנעהמען מיט אזא פאלק, אזוי וויא מען קען זיך ניט איבערנעהמען מיט א מדבר צוליעב איינצעלנע פאלמען ביימער, וועלכע וואקסען דארט.

אויב מיר גלויבען אין אונזער פאלק, אויב מיר שטאלצירען מיט איהם, דאן איז עס ניט צוליעב דיא טשינאווניקעס און מעדאליסטען. מיר גלויבען אין איהם, מיר שטאלצירען מיט איהם צוליעב איהם זעלבסט, צוליעב דיא גרויסע פאלקסמאסען, וועלכע האבען דיא לעצטע צייט ערוואכט צום לעבען, וועלכע האבען זיך אויסגעלערנט אזוי געשווינד און ענטשלאסען צו פערטהיידיגען זייערע אינטערעסען, וועלכע ווייזען ארויס אין קאמפף פאר זייערע רעכטע אזוי פיעל ענערגיע, אזוי פיעל זעלבסט אויפאפפערונג, אזוי פיעל ענטשלאסענהייט.

א קינד פון דיעזע פאלקסמאסען איז אויך געוועזען הירש לעקערט, פון וועלכען מיר דערצעהלען איצט אונזערע לעזער. א קינד פון אידישען דלות איז ער געוועזען, א אידישער שוסטער, וועלכער האט קוים געקענט זיין נאמען אונטערשרייבען. קיינע געפיהלען פון עהרע און זעלבסטווירדע האט מען אין איהם ניט ערצויגען, קיינע העלדען־ליעדער האט מען ביי זיין וויעגעלע ניט



הירש לעקערט.

געזונגען, קיינע ריטער־געשיכטען האבען זיין יוגענדס פאנטאזיע ניט אויפגעפלאמט. א פינסטערע ביטערע שוהלע איז ער דורכגעגאנגען, דיא שוהלע פון א לעהרען־אינגעל ביי א בעל־מלאכה, דיא שוהלע פון נויט, ערניעדערונגען, קלעפ. און דאך האט ער ביי דיא ערשטע געלעגענהייט ארויסגעוויעזען אזא הויך ענטוויקעלטען געפיהל פון עהרע און זעלבסטווירדע, אזוי פיעל עכט ריטערישע איידעלקייט אזא בעגייסטערנדען ביישפיעל פון העראאיזמוס!

דאס איז געשעהען אין ווילנא, וואו דיא

מורא פאר דיא גאטשאלסטווא איז געווען אזוי גרויס, וויא דיא מורא פאר דעם רבונו של עולם, וואו דער יאך פון דעם גלות איז אזוי שווער, וויא דער יאך פון דיא תרי"ג מצות. הונדערטער יאהרען לאנג, האבען זיך דיא אידישע רוקענס געבויגען אין דרייען פאר יעדען פאן, פאר יעדען פריסטאוו. הונדערטער יאהרען לאנג זיינען דארט געווען דיא אידישע בעלי מלאכות דיא ערניעדריגסטע פון דיא ערנידעריגטע, דיא פעראכטעסטע פון דיא פעראכטעטע.

און דיעזע שטאדט איז געווארען, אויף א וואונדערבארען אופן דיא ערשטע שטאדט אין רוסלאנד, וואו מען האט אויפגעהויבען דיא רויטע פאהן פון דער סאציאלדעמאקראטיע! און דיא אידישע רוקענס האבען זיך דארט אנגעפאנגען אויסצוגלייכען; און דיא אידישע בעלי מלאכות זיינען געווארען דיא שטאלצע אנפיהרער פון דעם גרויסען קאמפף פון דיא איצטיגע צייטען; און ווען דער ווילנער גובערנאטאר האט ווילד און ברוטאל געשענדעט דיא אידישע ארבייטער, דאן האט דער אידישער שוסטער אומגעביטען דעם קאפול אויף א רעוואלווער! מיט זעלטענער ענטשלאסענהייט האט ער געווארפען דער זעלבסטהערשונג זיין יונגען לעבען און האט ראכע גענומען פאר זיינע ברידער ארבייטער.

אין יענעם טאג האט זיך לעקערט ערהויבען הויך איבער דיא הונדערט און דרייסיג מיליאנען אונטערטהאנען פון צאר, דיא וויסטע שקלאפען, וועלכע טראגען געדולדיג זייערע שקלאפען־קייטען. און צוזאמען מיט איהם איז אויך ערהויבען געווארען, אין דיא אויגען פון גאנצען לאנד, דער גאנצער אידישער פראלעטאריאט, דאס גאנצע אידישע פאלק.

אין יענעם טאג האט לעקערט אויפגעטהאן פאר אידען פיעל מעהר, וויא פיעלע און פיעלע אידישע גדולים אין פערלויף פון פיעלע און פיעלע יאהרען. דיא שווערסטע בעשולדיגונג, וואס האט געדריקט דיא אידען, איז געווען דיא בעשודיגונג אין פייגהייט, אין טרוסאסט; דיא שווערסטע שטראף, וואס אידען זיינען דערפאר אויסגעשטאנען, איז געווען דיא שטראף פון פעראכטונג. און לעקערט האט דיעזע בעשולדיגונג און דיעזע שטראף אפגעמעקט — מיט זיין יונגען בלוט האט ער עס אבגעמעקט.

דיא קויל פון לעקערט האט געטראפען ניט נור דעם ווילנער גובערנאטאר; זיא האט געטראפען אין רעכטען הארצען פון דער זעלבסטהערשונג. דיעזע וואונד האט מעהר וועה געטהאן, וויא דיא וואונד פון פאן וואל. דיא רעגיערונג האט דערזעהען, מיט א שמערצליכע קלארהייט אז דיא טהאט פון הירש לעקערט, דיא טהאט פון זעלבסט אויפאפפערונג און העלדענמוטה, איז דער אויסדרוק פון גאנצען קעמפפענדען אידישען פראלעטאריאט, אז נאך פיעלע און פיעלע אונבעוואוסטע לעקערטס ארבייטען אין דער שטיל, פאר בעפרייאונג און סאציאליזמוס.

* * *

הירש לעקערט איז געבארען און ערצויגען געווארען אין זעהר אן ארימע פאמיליע. זיין קינדהייט איז פאריבער אין צרות און נויט, אזוי וויא דיא קינדהייט פון יעדען ארימען גהעטאקינד. זיין יוגענד האט אויך וויינג פרייליכעס און אנגענעהמעס געזעהען. ער איז געווען פון נאטור א לעבעדיגער יונג, א כוואט. אונזערע אידישע קווארטאלען זיינען פול מיט אזעלכע קינדער, וועלכע פערבליהען איידער זיי בליהען אויף. וואס וואלט פון איהם געווארען, ווען דיא ארבייטער בעוועגונג וואלט איהם ניט צוגעצויגען? מעגליך, אז זיינע מעלות וואלטען געווארען חסרונות; ער וואלט אוועקגעגאנגען אויף א שלעכטען וועג. אדער ער וואלט געווארען איינער פון דיא פיעלע מיליאנען אידען, וועלכע עקזיסטירען נור, כדי דער אדער יענער גדול, דער אדער יענער געלד־זאק, דער אדער יענער בעל טובה, זאלען זיין זייערע פארשטייער.

דיא ארבייטער בעוועגונג האט איהם אבער ארומגענומען, און זיין שיקזאל איז גאנץ אנדערש ענטשיעדען געווארען. ער האט איהר געדיענט וויא ווייט ער האט געקענט און מיט וואס ער האט געקענט. ער האט געהאט מוטה, ענערגיע, און ער האט עס אפגעגעבען דיא אינטערעסען פון זיינע ברידער ארבייטער. וואו נור מען האט געדארפט בעשטראפען א שלעכטען מייסטער, א סקעב, א באס, איז ער געווען פון דיא ערשטע אויפן פלאץ.

ער האט אנטהייל גענומען אין דעם בעוואוסטען איבערפאל אויף דער פאליציי אין נאווגאראד, א פארשטעדטיל אין ווילנא. צוזאמען מיט עטליכע חברים האט ער געוואלט בעפרייען א פאר פאליטישע ארעסטירטע; זיי האבען געשטורמט דאס הויז, וואו דיא ארעסטירטע זיינען פערשפארט געווען. נאכדעם האט ער ארויסגעריסען איינעם פון דיא ארעסטירטע פון

האספיטאל. דאן האט מען איהם ארעסטירט. אנדערהאלבען יאהר איז ער אפגעזעסען אין טורמע. נאכהער האט מען איהם פערשיקט אין יעקאטערינאסלאוו אונטערן אויפזיכט פון דיא פאליציי. וואס ער האט געפיהלט און געטראכט אין געפענגנים — דאס קען מען ניט וויסען. לעקערטס זיינען מענשען פון טהאט; ניט פון ווערטער. וויא עס שיינט, האט אבער דיא טורמע געהאט אויף איהם א גרויסע ווירקונג. ער האט ארויסגעטראגען פון איהר א פערשטארקטען האס צו דיא רוסישע רעגיערונג, א גרעסערע איבערגעבענהייט צו דיא רעוואלוציאנערע בעוועגונג.

דיא רוסישע טורמע האט שוין אזא גליק. מען זאגט, אז דער פאנאטיזמוס איז אזוי וויא א שטיין; וואס שטארקער מען קלאפט איבער איהם, אלץ גרעסערע פונקען לאזט ער ארויס. אזוי, קען מען זאגען, ווירקט דיא רוסישע טורמע, אויף דעם פרייהייטסקאמפף. עס טרעפט, דאס מען ארעסטירט איינעם צוליעב א מיספערשטענדנים; ער זיצט אפ א געוויסע צייט און גייט נאכהער ארויס א היים איבערצייגטער רעוואלוציאנער.

דאס איז געשעהן מיט פיעלע בעריהמטע רעוואלוציאנערען; דאס איז אויך געשעהען מיט לעקערט'ן. דער פריהעריגער אונבעדייטענדער שלעגער פון שלעכטע מייסטערס און סקעבס איז געוואָרען, נאך אנדערהאלבען יאהר געפענגנים, דער העלד, דער שטאלץ, דיא עהרע פון דער גאנצער אידישער בעוועגונג.

לעקערט איז אין יעקאטערינאסלאוו לאנג ניט פערבליעבען. איהם האט געצויגען א היים, צו דער אידישער בעוועגונג, צו בעקאנטע, צו טהעטיגקייט, און ער איז אנטלאפען נאך ווילנא. דאס איז געשעהען אין 1902 יאהר, א פאר וואכען בעפאר דעם ערשטען מאי.

א שטורמדיגע צייט איז דאן געווען אין ווילנא. דער קאמפף צווישען דעם „בונד“ און דיא רעגיערונג האט אויפגעפלאקערט אלץ שטארקער און שטארקער. עס זיינען פארגעקומען מאסען הויזזוכונגען, מאסען ארעסטען. דער „בונד“ אבער אזוי וויא דיא לעגענדארישע הידרא, פלעגט ארויסשטעלען אויף יעדע אפגעהאקטע קאפ צעהן אנדערע. עס האט זיך געדוכט, אז דיא קרעפטען פון „בונד“ קענען זיך קיין מאל ניט אויסנעהמען. זעלטען ווען עס זיינען אפגעהאלטען געוואָרען אזוי פיעל רעוואלוציאנערע ארבייטער פערזאמלונגען.

דער היגער ארבייטער קען עס זיך ניט פארשטעלען דיא ראלע פון ארבייטער פערזאמלונגען אין רוסלאנד — וויא וויכטיג זיי זיינען, וויא גרויס עס איז זייער ווירקונג. ביי אונז אין אמעריקא זיינען זיי וואכיגע טעג, טעגליכע ענינים. אזוי אויך קען זיך ניט פארשטעלען דער פרומער איד פון היינטיגע צייטען, וואס עס האט געהייסען ביי דיא מאראנען, (דיא געהיימע אידען אין שפאניען און פארטוגאל,) דאווענען מיט א מנין.

ווייט הינטערן שטאדט, ערגיץ אין א פערוואָרפענע קרעטשמע, אונטער פערריגעלטע טהיר און טויער, פערזאמלען זיך דיא ארבייטער אין רוסלאנד, אזוי וויא דיא מאראנען אין אונטעראירדישע היילען אין שפאניען. פון דרויסען לויערט אויף זיי א שרעקליכע פיינדליכע מאכט, וועלכע קען קומען יעדע מינוט נאך זייערע נשמות. דער קלענסטער גערויש דערמאנט זיי אן דיא מלאכי חבלה פון דעם צאריזמוס, אזוי וויא ער פלעגט דערמאנען א מאל דיא מאראנען אן דיא מלאכי חבלה פון דיא אינקוויזיציאן. און דיא נערוועז זיינען אויפגעשפאנט, און דיא הערצער שלאגען האסטיג, און דיא גייסטער ערהויבען זיך העכער און העכער. א זעלטענער צויבער שוועבט אויף אזעלכע פערזאמלונגען, וואו געוויינליכע מענשען ווערען אומגעוואנדעלט אין העלדען. א זעלטענע אטמאספהערע רינגעלט זיי ארום, וואו מענשען געוויינען זיך איין צו קוקען ענטשלאסען אין געזיכט פון אלערליי אבקומענישען, פון אלערליי יסורים, פון דעם טויט אליין.

נאך וויינינגער וועט דער היגער ארבייטער בעגרייפען דיא בעדייטונג פון דיא גאסען־דעמאנסטראציאנען אין רוסלאנד. ווען דיא רוסישע רעוואלוציאנערע בעוועגונג איז געוואָרען א מאכט, האט מען זיך שוין מיט געהיימע פערזאמלונגען אליין ניט געקענט בענוגענען. אין פיעלע שטעדט האבען זיך אנגעפאנגען גאסען־דעמאנסטראציאנען, איבער דיא רוסישע גאסען האבען הערליך געפלאטערט דיא רויטע פאהנען, און אין דיא רוסישע לופט האבען מעכטיג געקלונגען אויסגעשרייען געגען דעם צאריזמוס. זאל אבער דער לעזער ניט מיינען, אז דאס איז א מין פאראד, וויא אין אונזערע מקומות. דיא זעלבע לופט, וואו עס האבען געקלונגען פראטעסטען געגען דיא זעלבסטהערשונג, ווערט א ווילע שפעטער איבערפילט מיט הערצרייסענדע קרעכצען פון פערוואונדעטע, צוקיילטע און צובייל־

טע. דיא זעלבע גאסען, וואו עס האָבען געפלאַ־
טערט דיא רויטע פאָהנען, ווערען א ווײלע
שפּעטער רויט געפארבט מיט דיא בלוט פון דיא
דעמאָנסטראַנטען. דאָס שרעקט אָבער קיינעם
ניט אָפּ. אָפען טרעטען זיי ארויס, דיא מחנות
פון קעמפּפענדען פּראָלעטאַריאַט.

מיט א גרויסער גאסען־דעמאָנסטראַציאָן
האָבען זיך פערברייטעט דיא ווילנער ארבייטער
צו פייערען דעם ערשטען מאי פון 1902 יאָהר,
דעם 18טען אַפּריל נאָך דיא רוסישע צייט רעכ־
נונג האָט שוין ווילנא געזעהען הערליכע גאסען־
דעמאָנסטראַציאָנען; דיעזע האָט אָבער געזאָלט
זיין א גרעסערע און וויכטיגערע.

עס האָט זיך פארברייטעט אויך דיא פּאָלי־
ציי. דער גובערנאַטאָר פאָן וואַל, איינער פון דיא
ערגסטע בלוטהינד פון צאַר, האָט זיך געקליבען
צו מאכען א בלוטבאַד. אזוי וויא דיא ווילנער
ארבייטער בעשטייען פון אידען, פּאָליאַקען און
ליטווינען — נאַציאָנאַליטעטען פערהאַסטע ביי
דיא זעלבסטהערשונג — האָט ער געפיהלט זיי־
נע הענד פריי. אין דיא קאַזאַרמעס זיינען דיא
סאָלדאַטען געשטאַנען בערייט יעדע מינוט צו
א מלחמה; מען האָט זיי דערצעהלט, אז דיא
אידען און דיא פּאָליאַקען גרייטען זיך צו צו אַן
אויפשטאַנד. דיא קאַראולען ארום דיא מילי־
טערישע מאַגאַזינען זיינען פערדאָפּעלט געוואָ־
רען. סלוכען, איינער שרעקליכער פון צווייטען,
האָבען צירקולירט אין שטאָדט. א בלוט־באָד איז
א געוויינליכע ערשיינונג אין רוסלאַנד. פאָן
וואַל'ס שווארצע נשמה האָט בעגעהרט מעהר;
און אין זיין קאָפּ איז געבאָרען געוואָרען א הע־
לישער פּלאַן, אויף וועלכען עס איז נור פעהיג
פּלעווע'ס אַן אדיוטאַנט. ער האָט בעשלאָסען צו
שמייסען דיא דעמאָנסטראַנטען. ער האָט גע־
וואוסט, אז דאָס וועט זיין פאַר זיי שרעקליכער
פון אלעס — שרעקליכער אפילו פון טויט. קיינער
האָט אָבער דיעזען סלוך אין ערנסט ניט גענומען.
מען האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אז אפילו
א פאָן וואַל זאָל זיך אזעלכע געוואַלדטהאַטען
ערלויבען.

עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון ערשטען
מאי. סאָלדאַטען, קאָזאַקען און בעריטענע זשאַנ־
דארמען האָבען זיך געלאָזען פון אלע זייטען.
מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין פערשיעדענע
פּלעצער, בעהאַלטען אין געוויסע הויפען. דיא גאַ־
סען האָבען געשוויבעלט און געגריבעלט פון שפּי־
אָנען, וועלכע פלעגען זיך איינפּרעסען אין יעדען
פאַרבייגעהער מיט זייערע שפּיאָנסקע אויגען. מען
האָט פערצאַמט מאנכע ארויסגענגע פון די זייטי־
גע גאסען צום צענטער פון שטאָדט—צו די דייט־
שע גאס און די ברייטע גאס. ארום 4 א זייגער
האָט מען פערמאַכט אלע הויפען און די דווארני־
קעס, פון פּאָליציי'ס גנאָדען דיא אונבעשרענקטע
הערשער פון דיא בעפעלקערונג, האָבען
זיך געשטעלט ביי דיא טויערען מיט זייערע דו־
בינעס אין דיא הענד. קיינעם, אויסער גוט בע־
קאַנטע פּערזאָנען, האָבען זיי ניט ארויסגעלאָזען
און אריינגעלאָזען. א בהלה האָט זיך געטראָגען
אין לופטען; זיא האָט זיך אויסגעדריקט אין דיא
אונרוהיגע בליקען, אין דיא צושראָקענע פיזיאָ־
נאָמיעס פון אלע פריעדליכע אונטערטהאַנען.
בלויז דיא זעלבסטבעוואוסטע ארבייטער זיינען
געבליעבען פעסט און מונטער, בערייט צו בע־
געגנען יעדע מעגליכע געפאַהר.

אָבענדס האָט דיא שטאָדט אויסגעזעהען,
וויא א מיליטערישער לאַגער. דיא גאסען זיינען
פול געווען מיט סאָלדאַטען, קאָזאַקען און זשאַנ־
דאַרמען. עס האָבען נאָכאַנאַנד געקלונגען שווער־
דען און שפּאָרען; עס האָט געהילכט דיא קלאַ־
פּעריי פון דיא קאָזאַצקע פערד איבער דיא ברוק־
שטיינער. אין דיא זייטיגע גאסען האָבען זיך
אָנגעקליבען גרויסע מענגען ארבייטער; זיי האָ־
בען אָבער ניט געהאַט קיין מעגליכקייט ארויס־
צורייסען זיך פון דאָרטען. דיא פּאָליציי און דיא
מיליטער האָבען עס ניט דערלאָזען. שטיין אויף
איין אָרט האָט מען אויך ניט געלאָזען.

עס איז שוין געווען 8 א זייגער אין אָבענד,
און דיא דעמאָנסטראַציאָן האָט זיך אלץ ניט אָנ־
געפאַנגען. מען האָט געוואַרט אויף דיא קריסט־
ליכע ארבייטער; זיי זיינען אָבער צו דער בע־
שטימטער צייט ניט געקומען. און אזוי וויא עס
איז ניט געווען קיין שום מעגליכקייט צו קאָנ־
צענטרירען דיא קרעפטען, האָבען דיא אַנפיהרער
בעשלאָסען דיא דעמאָנסטראַציאָן אָפּצולייגען.

אָבער איין גרופּפּע פון 30 אידישע ארביי־
טער האָט פון דיעזען בעשלוס ניט געוואוסט.
דיא בעגייסטערטע יונגע לייט האָבען אונגעדול־
דיג געוואַרט אויף דעם אָנפאַנג פון דיא דעמאָנ־
סטראַציאָן. און ווען זיי האָבען זיך ניט געקענט
דערוואַרטען האָבען זיי בעשלאָסען אליין דיא
דעמאָנסטראַציאָן אָנצופאַנגען. מיט הילכענדע
אויסגעשרייען: „דאַלאַי סאַמאָדערזשאַוויע!"
(ניעדער מיט דיא זעלבסט הערשונג), האָבען זיי
א וואַרף געטהאָן זיך אין מיטען גאס פאַנאַנדער־
געוויקעלט דיא פאָהנען און אָנגעפאַנגען צו מאַר־
שירען. גלייך אָבער זיינען זיי ארומגערינגעלט

געוואָרען פון דיא פּאָליציי און דיא דוואָרניקעס; קאָזאַקען און בעריטענע זשאַנדארמען זיינען צוגעקומען, און מען האָט זיי גענומען שלאָגען און ממית'ן מיט פויסטען, מיט ביקסען, מיט דובינעס און נאַהאַיקעס.

דער פאָהנען טרעגער, א אידישער יונגערמאַן האָט דיא פאָהנע דאָך פון האַנד ניט ארויסגעלאָזען. אין איניגע מינוט איז ער אזוי צושלאָגען געוואָרען, דאָס זיינע קליידער האָבען געהאַנגען שטיקערווייז און פון זיין שוידערליך צופּאַסעוועטען קערפּער האָט בלוט געפלאָסען שטראָמענווייז ביז וואַנען ער איז געפאַלען אין אונמאַכט, האָט ער אַלץ ניט אויפגעהערט צו שרייען: „דאָלאָי באַמאָדערזשאַוויע!“

דאָס איז אַ שוידערליכעס בילד. פון איין זייט זיינען געשטאַנען טויזענדער מלאכי חבלה פון דעם צאַריזמוס — בעוואפענטע, מעכטיגע, בלוטדורשטיגע; פון דער צווייטער זייט 30 אונבעוואַפענטע אידישע בעלי מלאכות. נאָר דיעזע בעלי מלאכות, מיט דעם גרויסען כוח פון זייער הייליגען גלויבען, נעהמען אויף געגען דיא גאַנצע פינסטערע מאַכט דעם קאַמפּף, און זיי געבען איהם ניט אויף זאָלאַנג זיי קענען זיך נור האַלטען אויף דיא פיס, ביז וואַנען זיי פאַלען ניט, צוקלאַפּטע און צו'הרג'טע, בעוואוסטלאָז אויף דער ערד.

וויעפיעל מאָל זיינען בעשריעבען און בעזונגען, געלויבט און ערהויבען געוואָרען דיא 300 ספּאַרטאַנער וועלכע האָבען זיך געשטעלט געגען דיא ריעזיגע ארמעען פון פּערזישען דעספּאָט; וויפיעל מאָל זיינען בעשריעבען און בעזונגען געלויבט און ערהויבען געוואָרען דיא טויזענד העלדען פון גאַריבאַלדי, מיט וועלכע ער האָט אויפגענומען אין איטאַליען דעם קאַמפּף פאַר בעפרייאונג! זיינען דען דיעזע 30 אידישע בעלי־מלאכות פון ווילנא וויניגער ווערטה בעוואונדערונג און פערעהרונג?

* * *

אויף מאָרגען האָט מען אַ טהייל פון דיא ארעסטירטע דעמאָנסטראַנטען געשמיסען; מען האָט געשמיסען אויך זייטיגע מענשען, וועלכע דיא פּאָליציי האָט אָנגענומען פאַר דעמאָנסטראַנטען.

אַ שרעקליכע נאַכט האָבען איבערגעלעבט דיא דעמאָנסטראַנטען אין פּאָליציי הויז — אַ נאַכט פון געוואַלטיגע יסורים, קערפּערליכע און גייסטיגע. מען האָט זיי געממית'ט ביים ארעסטירען, געממית'ט אויפן וועג, געממית'ט ביי דאָס נייע אין פּאָליציי הויז. דיא בלוטדורשטיגע אינסטינקטען פון דיא פּאָליציי, פון דיא קאָזאַקען האָבען זיך צושפּיעלט; זיי זיינען וויא שיכור געוואָרען פון זייער אייגענע רציחה. אַ זייגער צעהן ביי נאַכט האָט פאָן וואַל אָפּגעשטאַטעט דיא דעמאָנסטראַנטען אַ וויזיט. ער האָט זיי געזידעלט מיט דיא שמוציגסטע ווערטער. ער האָט אויסגעדריקט זיין בעדויערען, וואָס צוליעב דיא „זשידי“ זיינען ארייגעפאַלען אויך עטליכע כריסטען. ער האָט אויך אָנגעזאָגט, אַז מאָרגען וועט ער זיי שמייסען. „איך וואָלט אייך צושאָסען אויפן פּלאַץ, אַזוי וויא מיעזגענע הינד, ווען איך וואָלט פריהער ניט געוואָלט זעהען אייער בלוט אויפן שמיטץ־בּיינקעל.“

געשמיסען האָבען פייערלייט, געהאַלטען האָבען קאָזאַקען, קאָמענדעוועט האָט פאָן וואַל. דער בלוטהונד פלעגט אויסרופען דעם נאָמען פון דעם אונגליקליכען און געגעבען דעם צייכען אונצופאַנגען. ער האָט געהייכען, שמייסען לאַנגזאַם, ער אליין האָט דיא שמיטץ געציילט. אַ שוואַכערען שמיטץ פלעגט ער אין חשבון ניט ארייגרעכענען. נאָך צעהן שמיטץ פלעגט דער רוט צופאַלען וועלען — אזוי שטאַרק האָט מען געשמיסען. אויב איינער פלעגט זיך נאָך'ן שמייסען קענען אויפהויבען, דאַן פלעגט מען איהם ווידער אוועקלייגען און שמייסען.

פאָן וואַל האָט געטראָפען אין סאַמע האַרץ פון דער אידישער בעוועגונג. מיט דיעזע שענדליכסטע געוואַלטטהאַטען האָט ער געפּייניגט און פערפּייניגט ניט נור דיא קערפּערס, זאָנדערען דיא נשמות. דאָס שוידערליכע בילד פון שאַנדע האָט זיך געטראָגען שטענדיג פאַר דיא אויגען און געטריעבען אין אַ פינסטערע פערצווייפלונג. דער געפיהל פון זעלבסט ווירדע, וועלכען דער „בונד“ האָט אזוי וואונדערבאַר אויפגעלעבט אין דיא אידישע ארבייטער מאַסען, איז דאָ אזוי ציניש און ברוטאל פערשפּאָטעט און געשענדעט געוואָרען.

איינער פון דיא הויפּט אַנפיהרער פון „בונד“ האָט זיך אויסגעדריקט, אַז פאָן וואָל'ס עקזעקוציע האָט אויף איהם געמאַכט אַ שוידערליכען איינדרוק, וויא אפילו דער קישינאָווער פּאָגראָם. און דאָס איז פערשטענדליך. דער זעלבער רעוואָלוציאָנער וואָלט מרוצה געווען צו שטאַרבען אויף דיא תליה, צוריסען צו ווערען פון אַ מאַסע פּאָגראָמישציקעס, איידער געשמיסען צו ווערען. און דיעזער געפיהל איז געווען

אלגעמיין. אזוי וויא א זודיגע כוואליע וואלט זיך פונאנדער געגאסען איבער דיא נשמות, ברי־הענדיג דיא מוחות און דיא הערצער. מענשען וועלכע וואלטען בעגעגענט קאלטבלוטיג טורמע, קאטארגע, דעם עשאפאט זעלבסט, האבען ביטער געוויינט—אזוי וויא קליינע קינדער האבען זיי געוויינט.

דער איינדרוק פון פאן וואל'ס עקזעקוציע איז געווען א שמערצליכער אין אלע קרייזען פון דער אידישער בעפעלקערונג — אפילו צווישען דיא דערשלאגענסטע און פערפינסטערטע אידען. סטאמקעוויטש, א בעוואוסטער רוסישער שריפטשטעלער, שילדערט אין איינע פון זיינע ערציילונגען א אידישען שניידער, וואס דאס שיפעלע האט פערוואָרפען אויף א רוסישע קריעגס שיף. דער איד האט געשיינט צו זיין א גרויסער פייגלינג. מעהר פון אלעם האט ער געציטערט פאר שמיץ. דיא מאטראזען ארום פלעגט מען נאכאנאנד שמייסען. בשעת מעשה פלעגען זיי דאס ניט וועלען ליידען. נאכהער אבער פלעגען זיי זיך אפטרייסלען און אויסלאכען זיך. און ווען עס האט איין מאל געטראפען, דאס מען האט אויף דעם אידען געשמיסען, האט ער זיך גלייך אריינגעווארפען אין ים.

דיעזע שילדערונג איז וואהר און נאטורטריי. דער איד איז פון אימער אן א געפרופטער צו צרות. וואס פאר ערנידערונגען, וואס פאר יסורים, וואס פאר מיתות משונות איז ער פון זיינע פייניגער ניט אויסגעשטאנען? דיא עקזעקוציע פון שמייסען איז אבער ביי איהם געווען ערגער פון אלעם. זיינע געפיהלען האבען געגען דעם געבונטעוועט מיט אלע כוחות, זיין טיעף פערבארגענער אתה בחרתנו געפיהל האט געגען דעם אויפגעשטורמט. דער איד איז ווירקליך, אפילו אין דיא ווילדעסטע צייטען, זעלטען ווען געשמיסען געווארען.

גלייך נאך דיעזער עקזעקוציע האט דער צענטראלער קאמיטע פון „בונד" ארויסגעלאזען א פראקלאמאציאן, וועלכע ענדיגט זיך מיט דיא פאלגענדע ווערטער:

ווען מיר זיינען ארויסגעטראטען אין קאמפף געגען צאריזמוס, האבען מיר געוואוסט, וואס מיר האבען צו ערווארטען; מיר האבען געוואוסט, אז אונזער וועג וועט פערזעהט זיין מיט שטענדיגע דערנער, אז לאנגע יאהרען טורמע און סיביר, הונגער און קעלט, ערווארטען אונז אויף דיעזען וועג. מיר האבען שוין בעוויזען, אז דאס אלעס שרעקט אונז ניט אפ, אז מיר קענען דאס אלעס פערטראגען. אבער איהמער און איבעראל, אין דיא גרעסטע מינוטען פון לעבען, האבען מיר, רעוואלוציאנערען, געהיט אוי איינגעשטעלט זיך פאר אונזער פערזאן, פאר אונזער מענשען־ווירדע. מיר האבען געענטפערט מיט בעליידיגונגען אויף בעליידיגונגען. מיט געוואלד־טהאטען אויף געוואלד־טהאטען.

„מיר קענען ניט טראכטען און ריידען רוהיג וועגען דעם, וואס איז פארגעקומען אין ווילנא. פון טויזענדער עהרליכע הערצער טראגט זיך איין אלגעמיינער געשריי: ראכע"!

„אידישע ארבייטער! וויא וועט איהר ענטפערן אויף דיעזער שענדליכער בעליידיגונג? איהר האט שוין לאנגג בעוויעזען, אז איהר האט אויפגעהערט צו זיין דיא פריהעריגע אונטערטהעניגע קנעכט; מיט אייער מוטהיגען קאמפף פאר פרייהייט האט איהר בעוויעזען דער גאנצער וועלט, אז איהר האט ערוואכט צו א נייעם לעבען, צו א לעבען פון פרייע בירגער."

„ווייזט איצט נאך א מאל דיא תלינים פון צאר, אז איהר וועט ניט אריבערטראגען גלייכגילטיג זייער שענדלבע האנדלונג געגען אייך; ווייזט זיי, אז איהר זייט מענשען מיט מענשליכע געפיהלען; ווייזט זיי, אז איהר זייט בערייט צו פערטהיידגען אייער מענשען־ווירדע, אז אויף דיא געוואלד־טהאטען פון דיא צארען־דיענער זייט איהר בערייט צו ענטפערען מיט געוואלד־טהאטען."

„אונזער פארטיי איז ביז איצט געווען געגען פאליטישען טעראר; מיר ענטזאגען זיך אויך איצט פון טעראר, אלס א קאמפפסמיטעל געגען דיא זעלבסטהערשונג. אבער דיא ווילדע טהאט פון פאן וואל רופט ארויס ביי אלע אונזערע חברים דיא שרעקליכסטע ענטריסטונג. דאס איז אזא פערברעכען, וועלכען מען קען בשום אופן ניט פערשווייגען. און מיר זיינען איבערצייגט, דאס אין דיא רייהען פון אידישען פראלעטאריאט וועט זיך אויפהייבען א האנד וועלכע וועט ראכע נעהמען פאר דיא געוואלטיגע בעליידיגונג געגען זיינע ברידער. און אויב עס וועט פערגאסען ווערען מענשליכע בלוט, דאן וועט פאלען דיא גאנצע פעראנטווארטליכקייט אויפן קאפ פון צאר און זיינע ווילדע משרתים."

אויף מארגען נאך דעם, וויא דיעזער היסטארישער אויפרוף איז פערשפרייט געווארען, איז ערשיענען דער ראכענעהמער. דאס איז געווען הירש לעקערט.

א. וואלט.

(שלום פאלגט.)

# מאי אין גלות

שוין פערגאַנגען טוידט און ווינטער
און דיא וועלט איז ווידער ניי,
שוין גענענדיגט דיא אבילות,
ס'קומט דער יונגער קעניג־מאַי...

בשמים וואַרפט ער וואו ער קעהרט זיך
פיללט דיא פעלדער מיט געזאנג ;
בלאט און בלומען, פון זיין בעכער
שכור'ט אַן דער זיסער טראנק....

דער הימעל פון אויבען
וועבט לוסטיגעס גלויבען,
וועבט האָפען און שטרעבען....
דיא גרינע ערד אונטען,
זיא רופט צום געזונטען
און מונטערען לעבען....

---

פרייליך קומט דער גאָט פון פריהלינג,
פילט דיא הערצער מיט געזאַנג —
פון מיין צרה'דיגער ברוסט נאר
ענטפערט איהם קיין ווידערקלאַנג.

דאָרטען תמיד ליגט פערמויערט,
יענער גייסט וואס אויבען טרויערט
יענער גלות־שמערץ, וואס פריהלינג
ברענגט קיין באַלזאַם און קיין שטילונג
און פון בלומען דער גערוך —
דאָרט בעגעגענט נאר א פלוך...

---

פלוך אויף דיא פון וועמעס פינגער
דאס בלוט פון מיינע ברידער טריפט ;
פלוך אויף יענע, וועלכע האבען
זיי דיא פריהלינגס־פרייד פערגיפט....

־ענ־יער, ראלא.

זיי דעם תענוג פון דעם לעבען
אויף דער שעהנער ערד פערגאַלט
און אין הימעל גליקען זוכען,
זיי געצוואונגען מיט געוואַלט...

---

פלוך אויף יענע, וועלכע האבען
זיי פאר קלאָג־מוטערס געמאַכט ;
וואס פון לאַנגען וויינען האבען
שוין פערגעסען, וויא מען לאַכט...

---

ניין, כ'קען ניט „פריהלינג" שרייבען
ס'נעהמען זיך ארום מיר קלייבען
דיא קרבנות פון'ם גלות.
און מיך סטראַשעט, וויא א כאָרוס
פון א גאַנצען בית הקברות :
„זינג ניט, שילט מיט טויטע קללות"!

---

ליכטיג איז דיא וועלט ארום ;
יעדע ברוסט איז פול געזאנג,
איך נאָר, גלות־קינד, טראג אום
שווארצע קללות אין געדאנק...

זים דער ווינד פון פריהלינג בלאזט
גרין בעפוצט איז יעדער צווייג,
אין מיין ברוסט פוילט און ראָסט,
יענער פלוך, וואס איך פערשוויג....

יהואש.




# דער גענעראַל־סטרייק

צווישען דיא טאַקטישע פראַגען, וועלכע זיינען אין דיא לעצטע יאָהרען אויפגעשוואומען אויף דעם שטייגענדען און ברויזענדעם ים פון קלאַסענקאַמפף אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, איז דיא פראַגע וועגען דעם זאָגענאַנטען „גענעראַל־סטרייק" דיא וויכטיגסטע און אויך אינטערעסאַנטעסטע. ביז יעצט האָט מען איהר בעהאַנדעלט אין דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רייהען, וויא א שטיעף־קינד; מען האָט געקוקט אויף איהר וויא אויף עפּעס אויף אן אנשרעקענעס, א נייעם געשוויר אויף דעם געזונדען קערפּער פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג, אין בעסטען פאַל וויא אויף אן אַנאַרכיסטישע פערדרייהענעס צו פערדולען דיא מוחות פון דיא ארבייטער מיט הויך־קלינגענדע פראַזען. אָבער דערמיט האָט מען איהר אפילו אויף א האָר ניט אָבגעשוואַכט, פערקעהרט, מען האָט איהר נאָך פערשטאַרקט.

וואָס דיא פערביסענסטע מאַרקסיסטען און דיא אָרטהאָדאָקסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען זאָלען ניט דענקען וועגען א גענעראַל־סטרייק, נאָר דאָס מוזען זיי אלע צוגעבען, אז ער שטופּט זיך אַלץ מעהר צום פראָנט און ווערט א ברענענדע צייטפראַגע. דער נעכסטער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס וועט זיך גאַנץ ערנסט מוזען בעשעפטיגען מיט איהם. ניט ווילענדיג האָט מען איהם געמוזט ארויפשטעלען אויף דער טאַגעס־אָרדנונג, ווייל אויך אין דיא רייהען פון סטריקטע סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָט ער געפונען א סך אַנהענגער. דיא „נייע צייט," דיא בעריהמטע וואָכענשריפט פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָט געעפענט איהרע זייטען פאַר א דיסקוסיאָן איבער דיעזער פראַגע, און אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע איבערהויפּט, וויא אויך אויף סאָציאַליסטישע פערזאַמלונגען, בעזאָנדערס אין ראָמאַנישע לענדער, ווערט דיעזע פראַגע אַלץ העפטיגער בעשפּראָכען און דעבאַטירט.

עס איז זעהר מעגליך, אז דער קומענדער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם וועט פערוואַרפען דעם גענעראַל־סטרייק אלס א זעהר געפעהרליכען און בעזאָנדערס אלס אן אונדורכפיהרבאַרען קאַמפף־מיטעל; אָבער דאָס וועט וויעדער ניט אָפּהאַלטען דיא שטייגענדע פּראָפּאַגאַנדא און אַגיטאַציאָן איהם וואָס מעהר און צוועקמעסיגער אָנצו־ווענדען. אויב מען וועט איהם דערטרינקען אויף דיזען קאָנגרעס, וועט ער אויפשווימען פריש און לעבעדיג אויף דעם נעכסטען קאָנגרעס און וועט נאָך שאַרפער פערלאַנגען אַן ענטפער, וואָס מען זאָל טאָן מיט איהם.

און אן ענטפער מוז פריהער אָדער שפּעטער געגעבען ווערען, דען דער גענעראַל־סטרייק איז ניט ארויסגעקומען פון דעם קאָפּ פון א גרויסען סאָציאַליסטישען דענקער, זאָנדערען פון דיא *פאָרדערונגען פון לעבען זעלבסט*. ניט אַנאַרכיסטען האָבען פערשפּרייטעט דעם געדאַנקען וועגען א גענעראַל־סטרייק אין דיא ארבייטער־מאַסען, וויא מאַנכע דענקען עס, זאָנדערען דער פערשאַרפטער *קלאַסען־קאַמפף זעלבסט*.

עס איז אמת, אז דיא אנארכיסטען זיינען געוועזען דיא ערשטע אויפצוכאפּען דיעזען געדאנקען, וועלכער איז אייגענטליך א לאגישער שלוס פון דער נויטווענדיגקייט צו פיהרען אלץ גרעסערע סטרייקס מיט דיא קאפּיטאליסטען; עס איז אמת, אז זיי זיינען נאך יעצט דיא הייסעסטע און ווייטגעהענדסטע אנהענגער פון א גענעראל־סטרייק, ווייל זיי זעהען אין דעם א מין פּראפּאגאנדע דער טהאט, זאגאר א באריקאדען־רעוואלוציאן צו שטירצען מיט פיזישע געוואלט דיא קאפּיטאליסטישע ארדנונג; אבער פון דער אנדער זייט איז עס ניט ווייניגער אמת, אז פיעלע סאציאליסטען אין בעלגיען, פראנקרייך, איטאליע און שפּאניען זיינען אזעלכע הייסע אנהענגער פון א גענעראל־סטרייק וויא דיא אנארכיסטען, אז דיא *ערשטע אנווענדונגען* פון *א גענעראל סטרייק פיר פּראקטישע צוועקען* זיינען געמאכט געווארען פון סאציאל־דעמאקראטען און טריידיוניאניסטען, און אז איבערהויפּט קיין סאציאליסט וואלט ניט געוועזען געגען דיעזען קאמפּף־מיטעל, ווען ער וואלט נאר איהם געהאלטען פאר א פּראקטישען, פאר א דורכפיהרבארען.

אייגענטליך האט נאך דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער קאנגרעס אין פּאריז אין 1889 געגעבען זיין הסכמה אין פּרינציפּ אויף א גענעראל־סטרייק, בשעת ער האט בעשטימט, אז דער ערשטער מאי זאל אין אלע לענדער געפייערט ווערען דורך אן אפּשטעלונג פון ארבייט. דען וואס האט דען בעצוועקט דער בעשלוס פון דיעזען קאנגרעס, ווען ניט *א גענעראל־סטרייק אויף איין טאג*? האט מען דען ניט געהאפט, אז דורך דיעזען אינטערנאציאנאלען ארבייטער יום־טוב וועט מען מיט דער צייט קענען פיהרען דעם ארגאניזירטען פּראלעטאריאט צו אן אפענעם קאמפּף געגען דיא גאנצע יעצטיגע ארדנונג? נאטירליך, דיא ערפאהרונג האט באלד אויסגעניכטערט דיא ענטהוזיאסטען און האט בעוויזען, דאס דיא ערשטע־מאי־דעמאנסטראציאנען קענען נאר העכסטענס דיענען אלס אויסדרוק פון פּראלעטארישע סאלידאריטעט. אבער האבען כמעט קיין בעדייטונג ניט אלס א רעוואלוציאנערער קאמפּף־מיטעל (דארום איז טאקע דיעזער אינטערנאציאנאלער ארבייטער יום טוב מיט יעדען יאהר אלץ שוואכער געווארען); נאר אלס איינער פון דיא דעלעגאטען צו דיעזען קאנגרעס געדיינק איך גאנץ גוט, וואס פאר א בעגייסטערונג עס האט געהערשט אין זאל פון קאנגרעס און וואס פאר גרויסע רעוואלוציאנערע האפנונגען מען האט געהאט, ווען מען האט געשטימט פאר דיעזען איין־טעגליכען גענעראל־סטרייק.

אבער וויא מען זאל ניט קוקען אויף דיא ערשטע מאי־דעמאנסטראציאנען, ווערט דיא פראגע וועגען גענעראל־סטרייק דורך דעם ניט געענדערט. דיעזע פראגע מוז גרינדליך נאכגעפארשט ווערען נאך איהר *אייגענעם ווערטה* אלס א קאמפּף־מיטעל, זאגאר אבגעזעהען פון דיא אנדערע מיטעל, וועלכע ווערען געברויכט אין דעם קלאסען־קאמפּף און אין דער אגיטאציאן פיר דעם סאציאליזמוס. אזא נאכפארשונג איז גאר ניט א גרינגע זאך, וויא עס קען שיינען פון ערשטען בליק, דען אויסער דעם, וואס דיא פראגע וועגען גענעראל־סטרייק איז א זעהר קאמפּליצירטע, וויא איבערהויפּט יעדע סאציאל־פּאליטישע פראגע, איז זיא נאך א גאנץ נייע און ווייניג אויספּראבירטע אונטער גינסטיגע אומשטענדען. מען קען זאגען, אז זיא איז סך הכל צעהן יאהר אלט, דען זיא איז צוערשט געשטעלט געווארען צו פּראבע אין בעלגיען אין 1903, ווען עס האט זיך געהאנדעלט ארויסצורייסען ביי דער בורזשואזיע דאס אלגעמיינע שטימרעכט.

זייט דאן האט מען געמאכט נאך עטליכע פּראבעס, וועלכע זיינען לײדער גאר ניט געלונגען. אבער דער עיקר פון דער פראגע איז ניט דאס, וואס מען האט *ביז יעצט* אויפגעטהאן מיט דעם גענעראל־סטרייק, זאנדערען וואס מען קען איבערהויפּט *אויספיהרען דורך איהם אין דער נאהענטער צוקונפט* פאר דיא בעפרייאונג פון פּראלעטאריאט. וועגען דעם ווערט עס דעבאטירט און וועגען דעם וועלען מיר אויך רעדען אין דיעזען ארטיקעל.

* * *

נאר איידער מיר געהען איבער צו א בעטראכטונג וועגען דיא צוועקמעסיגקייט און פּראקטישע וויכטיגקייט פון א גענעראל־סטרייק, איז נויטיג פעסט צו שטעלען, וואס מען דארף פארשטיין אדער יעדענפאלס וואס מיר אליין פערשטעהען אונטער דיעזען ווארט.

וואס איז א גענעראל־סטרייק? קורץ און איינפאך גערעדט: אן אבשטעלונג אדער אונטערברעכונג פון דער געזעלשאפטליכער פּראדוקציאן; מיט אנדערע ווערטער: א סטרייק אין א זעהר גרויסער מאס, אזוי גרויס וויא דאס לאזט זיך נאר אונטער אומשטענדען. דאס הייסט

אַ זאַ, אַז אַן אַלגעמיינער אָדער גענעראַל־סטרייק
האָט און מוז אויך נאַטירליכערווייזע האָבען אַלע
מ ע ל ו ת א ו ן ח ס ר ו נ ו ת פון אַ געוועהנ־
ליכען סטרייק אויף אין אַ ג ר ע ס ע ר ע ר
מ אַ ס.

נאָך זיינע צוועקען און שטרעבונגען קען אַ
גענעראַל־סטרייק זיין אַ ריין־עקאָנאָמישער, אַן
עקאָנאָמישער אין פערבינדונג מיט פּאָליטישע
פאָדערונגען און אַ ספּעציעל פּאָליטישער.

צום ביישפּיעל, ווען אַ פערבאַנד פון אַרבּיי־
טער פאַנגט אַן אַ קאַמפּף פיר אַ לאָהנהעכערונג
אָדער פערקירצונג פון אַרבּייטס־צייט, רופט מען
עס און מען מעג עס אויך רופען גענעראַל־סטרייק.
אַזאַ סטרייק איז אַן עקאָנאָמישער, אָבער ער
קען אַרומנעהמען איין טרייד, איין אינדוסטריע,
אָדער עטליכע מיט אַ מאָל. לאָמיר אָננעהמען,
אַז דיא שניידערס פון אַמעריקא לייגען אַוועק
דיא אַרבּייט צוליעב אירגענד וועלכע טרייד־
יוניאָן פאָדערונג. דאָס וועט זיין אַ גענעראַל־
סטרייק (דזשענעראַל־סטרייק אויף ענגליש) אין
דעם געוועהנליכסטען און איינפאַכסטען זינען
פון דיעזען וואָרט אַלס אַן אונטערשיעד פון אַ
סטרייק אין איין שניידער־פעקטאָרי. ווען אויך
דיא קאַטערס (צושניידערס) וועלען מיטקעמפּ־
פען, אָבוואָהל זיי אַליין האָבען אין דעם מאָמענט
קיין טרייד־יוניאָניסטישען גרונד צו סטרייקען,
וועט עס פון זייער זייט זיין, וואָס מען רופט, אַ
ס י מ פּ אַ ט י ע ־ ס ט ר י י ק. אונטער געוויסע
אומשטענדען קען עס טרעפען, אַז אויך אַרבּיי־
טער פון אַנדערע פאַכען, לאָמיר זאָגען דיא וועב־
בערס, זאָלען אַרויסטרעטען אין אַ סימפּאַטיע־
סטרייק צו העלפען דיא שניידערס געווינען זיי־
ערע פאָדערונגען. דאַן וועט אַזאַ גענעראַל־
סטרייק אַליז גרעסער און ברייטער, אָבער ער
טראָגט דאָך אַן עקאָנאָמישען אָדער, ריכטיגער
געזאָגט, אַ טרייד־יוניאָניסטישען כאַראַקטער.
נאַטירליך, יעדער עקאָנאָמישער קאַמפּף האָט
אויך אַ געוויסע פּאָליטישע בעדייטונג, אָבער מיר
האָבען זיך אין אַזאַ פאַל ספּעציעל צו רעכענען
מיט עקאָנאָמישע אָדער טרייד־יוניאָניסטישע
פאָדערונגען און שטרעבונגען. אפילו אין אַזעל־
כע פעלע, ווען דיא אַרבּייטער פון איין לאַנד
ווערען געשטיצט דורך סטרייקס אין אַנדערע
לענדער, וויא דאָס האָט שוין ניט איין מאָל גע־
טראָפען אין דער לעצטער צייט, איז דאָס נאָר
אַ זעהר וויכטיגער אויסדרוק פון אַרבּייטער־סאָ־
לידאַריטעט, אָבער נ י ט אַ פּאָליטישע האַנד־
לונג, דען דער צוועק איז אויסצופיהרען געוויסע
עקאָנאָמישע פאָדערונגען.

ווען אָבער דיא שניידערס זאָלען סטרייקען
אין דער זעלבער צייט אי פאַר אַ העכערען לוין
אי פאַר דיא דורכפיהרונג פון אַ בעשטימטען גע־
זעץ צו גונסטען פון גאַנצען פאָלק, דאַן וועט שוין
זייער גענעראַל־סטרייק זיין פערבונדען מיט
פּ אָ ל י ט י ש ע פ אָ ר ד ע ר ו נ ג ע ן. דיא
סימפּאַטיע־סטרייקס וועלען דאַן אויך נאַטירלי־
כערווייזע האָבען אַ פּאָליטישע פאַרב. אַזאַ סאָרט
גענעראַל־סטרייק איז געווען אין האָלאַנד אין
1902, ווען מען האָט אָנגעפאַנגען אַ קאַמפּף גע־
גען אַ געזעץ, וואָס האָט בעצוועקט צו בעשרענ־
קען דיא אָרגאַניזאַציאָנס־רעכטע פון די אייזענ־
באַהן־אַרבּייטער.

נאָר אַ גענעראַל־סטרייק קען אויך אַרויסגע־
רופען ווערען צו שטיצען אַ פּאָליטישען קאַמפּף.
אין אַזאַ פאַל האָט אַ גענעראַל־סטרייק דיא פאָ־
מע און אויך דעם צוועק פון אַ ד ע מ אָ נ ס־
ט ר אַ צ י אָ ן. דיא אַרבּייטער זיינען דאַן פער־
אינטערעסירט ניט אַלס טרייד־יוניאָניסטען, זאָנ־
דערן אַלס מיטגליעדער פון דער סאָציאַל־דעמאָ־
קראַטישער פּאַרטיי. אַזעלכע פּאָליטישע גענעראַל
סטרייקס זיינען פאָרגעקומען אין בעלגיען אין
1903 און אין שוועדען אין 1902. אין ביידע
פעלע האָט מען זיך גענומען צו דיעזען קאַמפּף־
מיטעל, אום צו צווינגען דיא קאַפּיטאַליסטישע
רעגיערונגען איינצופיהרען דאָס אַלגעמיינע
שטימרעכט. דיא אָנפיהרערס פון דיעזען קאַמפּף
זיינען נאַטירליך געווען סאָציאַליסטען.

איבערהויפּט, ווען נאָר עס האַנדעלט זיך
אַרויסצורופען אַ גענעראַל־סטרייק אין פערבינ־
דונג מיט פּאָליטישע פאָרדערונגען, דאַן איז עס
זיכער, אַז דיא סאָציאַליסטען זיינען ספּעציעל
פעראינטערעסירט אין דעם אַלס אָנהענגער אָדער
אַלס געגנער. עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז זיי
סימפּאַטיזירען מיט אַן עקאָנאָמישען גענעראַל־
סטרייק און שטרענגען אָן זייערע קרעפטע מיט־
צוהעלפען דיא בעטהייליגטע אַרבּייטער אין זיי־
ער קאַמפּף; אָבער געוועהנליך הענגט עס ניט
אָפּ פון זיי: ניט זיי האָבען די איניציאַטיווע אין
אַזאַ סטרייק און ניט זיי טראָגען דיא פעראַנט־
וואָרטליכקייט פאַר דיא רעזולטאַטען. ווען אָבער
אויך אַ פּאָליטישע פראַגע איז אַריינגעמישט אין
אַן עקאָנאָמישען גענעראַל־סטרייק, דאַן מוזען
דיא סאָציאַליסטען זיין אויפ'ן קאַמפּף־פּלאַץ.
מעגען זיי זיין דאַפיר אָדער דאַגעגען, נאָר זיי
קענען ניט און טאָרען ניט בלייבען פון דער זייט

אלס אנקוקערס, זיי מוזען ארויסטרעטען אין דיא אינטערעסען פון פראלעטאריאט.

דארום האט דיא פראגע וועגען א גענעראל סטרייק מיט פאליטישע צוועקען א זעהר וויכטיגע בעדייטונג פאר זיי. יעדענפאלס, ווען סאציאליסטען ריידען און דעבאטירען וועגען א גענעראל־סטרייק מיינען זיי אזעלכען, וואס איז מעהר אדער ווייניגער פערבונדען מיט דעם פאליטישען קאמפף פון פראלעטאריאט. אין דיעזען זינען געברויכען מיר אויך דיעזען ווארט און אין דיעזען זינען וועלען מיר דא בעטראכטען דיא פראגע.

* * *

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז איידער מען הויבט גאר אן צו דענקען וועגען א גענעראל־סטרייק, מוז מען האבען א שטארקע עקאנאמישע און פאליטישע ארגאניזאציאן פון ארבייטער־קלאס — אהן סאלדאטען קען מען קיין מלחמה ניט פיהרען. נאר וויא גרויס קען דיא ארמעע פון פראלעטאריאט זיין אונטער דיא יעצטיגע אומשטענדען געגען דיא קאפיטאליסטישע הערשער? מיט אנדערע ווערטער, וויא פיעל קעמפפערס קען דיא סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי ארויסשטעלען, ווען זיא זאל אויף זיך נעהמען דיא שווערע פעראנטווארטליכקייט און ארויסרופען א גענעראל־סטרייק?

אום צו קענען ענטפערן פיעל־ווינציג אויף דיעזער פראגע — נאטירליך מיר מיינען ניט צו געבען רעכנונגען און ציפער, דען דאס וואלט געווען איינפאך לעכערליך ביי דעם הייגטיגען צושטאנד פון פראלעטאריאט — וועלען מיר ווארפען א בליק אויף א טרייד־יוניאניסטישען גענעראל־סטרייק. מיר וועלען אויסקלייבען פאר א ביישפיעל דעם גענעראל־סטרייק פון דיא פראנצויזישע קוילענגרעבער אין 1902.

ערשטענס, זיינען ניט אלע קוילענגרעבער ארגאניזירט געווען. יעדערער וויים, אז עס איז נאך פארלויפיג ניטא אזא צווייג פון אינדוסטריע, אין וועלכען עס זאלען אויך ניט זיין בעשעפטיגטע אונארגאניזירטע ארבייטער. יעדער ווייס אויך, אז דיא בעסטע און שטארקסטע יוניאנס צעהלען נאר א טהייל פון אלע ארבייטער אין זייער פאך. אין פאל פון א סטרייק מוזען דארום פערבלייבען פלעצער, וואו מען וועט פארטזעצען די ארבייט. אזוי ווי דיא קאפיטאליסטישע רעגירונגען זיינען שטענדיג גרייט צו העלפען דיא פאבריקאנטען און קאמפאניעס אין נאמען פון געזעץ אין פון זא־גענאנטען „פרייען קאנטראקט“ איז ניט שווער אנצופילען דיא פאבריקען מיט „פרייע“ ארבייטער, איינפאך גערעדט, מיט סקעבס, מיט פעררעטהער געגען דיא סטרייקערס. דאס הייסט אלזא, אז אפילו אין בעסטען פאל ווען א יוניאן צעהלט דיא מייסטע ארבייטער פון פאך, קען מען נאר אנמאכען א שטערונג אין דער בעטרעפענדער אינדוסטריע דורך א סטרייק, אבער אין גאנצען אבשטעלען דיא פראדוקציאן, בעזאנדערס נאך אויף א לענגערע צייט — דאס איז אן אונמעגליכע זאך.

אין דעם פאל מיט דיא פראנצויזישע קוילענגרעבערס איז עס אויך אזוי געווען. נאר, נאטירליך, דיא ניט־יוניאן ארבייט איז ניט גענוג געווען פאר דיא פראנצויזישע אינדוסטריען. אבער דיא קוילענגרעבערס וואלטען דאך ניט געקענט אויספיהרען אהן דיא הילפע פון דיא בעלגישע קוילענגרעבערס, וועלכע האבען זיך ענטזאגט צו ארבייטען עקסטרא־שטונדען, און פון דיא ארבייטער אין דיא פראנצויזישע פארטען, וועלכע האבען זיך ענטזאגט אויסצולאדען שיפען מיט קוילען, וואס מען האט געבראכט פון ענגלאנד און אנדערע לענדער. דורך דיעזע ארבייטער־סאלידאריטעט זיינען דיא פראנצויזישע אינדוסטריען אזוי פאראליזירט געווארען, אז דיא רעגיערונג האט זיך געמוזט אריינמישען און צווינגען דיא אייגענטהימער פון דיא קוילענמיינען צו שליכטען מיט דיא קוילענגרעבער.

דיעזער עקאנאמישער גענעראל־סטרייק איז אלזא געווען געוויסערמאסען ערפאלגרייך; אבער עס איז ניט שווער זיך פארצושטעלען, אז ווען דיא קוילענגרעבערס וואלטען געשטעלט צו שארפע און גרויסע פארדערונגען און וואלטען זיך ענטזאגט פון א פשרה, וואלטען די קאמפאניעס געקענט ברעכען דעם גאנצען סטרייק מיט דער הילפע פון דער רעגיערונג אויף אזא איינפאכען וועג, וויא בריינגען קוילען אויף קריעגסשיפען און זיי אויסלאדען מיט דיא הענד פון מיליטערישע מאטראזען און פון סאלדאטען.

עס קען גאר קיין צווייפעל ניט זיין, אז דערצו וואלט עס זיכער געקומען, ווען דיא קוילענגרעבערס וואלטען, צום ביישפיעל, געשטעלט דיא פארדערונג, אז דיא מינען זאלען געהערען צו דער נאציאן און ווערען א קהל'שע אייגענטהום, וויא דאס האט געדארפט צו זיין. מען וואלט דאן ניט געמאכט קיין שאלות און מעלות מיט זיי, און דיא גאנצע פלאטע פון דער רעגיערונג וואלט אומגעוואנדעלט געווארען אין טראנספארט־שיפען צו בריינגען קוילען. מען וואלט

אויך געשיקט סאלדאטען צו האקען קוילען אזוי ווייא מען האט ניט איין מאל געשיקט סאלדאטען צו באקען ברויט אין דער צייט פון בעקער סטרייקס. ווייא בעוואוסט, זיינען פיעלע בעקער סטרייקס אויף אזא שטייגער געבראכען געווארען.

וועגען דיא ראלע פון דער רעגיערונג וועלען מיר נאך האבען צו ריידען, ווען מיר וועלען בעטראכטען אזא גענעראל־סטרייק, ווייא דיא אנארכיסטען שטעלען זיך איהם פאר. דערוויילע איז פאר אונז וויכטיג צו נעהמען אין אנבעטראכט דעם אונבעשטרייטבארען פאקט, דאס מיט קיין סטרייק קען מען אין גאנצען ניט אבשטעלען דיא פראדוקציאן אין א צווייג פון אינדוסטריע. דיא יעניגע, וואס זיינען בעגייסטערט פאר א גענעראל־סטרייק אלס דעם בעסטען און ווירקזאמסטען מיטעל צו בריינגען דיא סאציאלע רעוואלוציאן, פערגעסען געוועהנליך אן דעם אין זייער היץ. ווען מען קוקט זיך אבער צו מיט קלארע אויגען און מען בעטראכט דיא זאך קאלטבלוטיג, זעהט מען, אז וואס מעהר עס זאל געלינגען צו פערשפרייטען א גענעראל־סטרייק איבער א בעשטימטע לאנד, אלץ שווערער וועט עס זיין ווירקליך אבצושטעלען דיא פראדוקציאן. אויסער דעם, וואס אין יעדען פאך זיינען דא ניט־ארגאניזירטע ארבייטער און סקעבס, אויסער דעם וואס אין יעדען לאנד זיינען דא גאנצע געגענדען, וואו דיא גרויסע פראדוקציאן איז נאך ניט ענטוויקעלט און וואו פאלגליך דיא מייסטע איינוואהנער ארבייטען פאר זיך און פאר זייערע נאהענטע שכנים — ווייא אזוי וועט מען אריינציהען דיא בויערן אין דיעזער בעוועגונג, ווייא אזוי וועט מען אויספיהרען, אז פארמערס זאלען לאזען פוסטעווען דיא פעלדער אדער וועניגסטענס ניט פארקויפען זייערע פראדוקטען? פארקעהרט, זיי ווייא אויך אלע, וואס זיינען בעשעפטיגט אין דער קליין־אינדוסטריע, אלע זא־גענאנטע זעלבסטשטענדיגע האנדווערקער, וועלען נאך האבען אן אינטערעס מעהר צו ארבייטען, ווייל פאר זייערע פראדוקטען וועלען זיי נאטירליך קריגען העכערע פרייזען.

עס פערשטעהט זיך, אז ווייא נאר א גענעראל־סטרייק זאל אויסברעכען, וועלען גלייך שטייגען דיא פרייזען אויף אלע סחורות; עס פערשטעהט זיך ניט ווייניגער, אז דיא יעניגע וואס וועלען האבען אנגעקליבען פראדוקטען, וועלען זוכען צו פראפיטירען דערפון. נאר ווער קען האבען ביי היינטיגע צייטען זאפאסען און ווער איז אין שטאנד צו צאהלען העכערע פרייזען פאר סחורות? נאטירליך, דיא קאפיטאליסטען און ניט דיא ארבייטער.

דאס הייסט אלזא, אז ביי דעם אויסברוך פון א גענעראל־סטרייק וועלען דיא ארבייטער אליין מעהר ליידען ווייא דיא קאפיטאליסטען, און אויב עס איז איבערהויפט מעגליך אויסצוהונגערן דיא קאפיטאליסטען דורך א גענעראל־סטרייק, ווייא מאנכע ענטהוזיאסטען בילדען עס זיך איין, דאן איז זיכער, אז דיא פראלעטאריער וועלען מוזען פריהער געזעגענען זיך מיט דער וועלט.

אבער אזוי ווייט קען עס גאר ניט קומען, דען וועגען א גענעראל־סטרייק איז עס נאך ריכטיגער ווייא וועגען א געוועהנליכען סטרייק, דאס ער מוז געוואונען ווערען אין א קורצער צייט, זאנסט איז ער אין גאנצען געבראכען און פערלארען. א גענעראל־סטרייק איז אויך דעריבער אונמעגליך צו שלעפען לאנג, ווייל דיא רעגיערונג וועט זיך דאן זיכער אריינמישען מיט דער גאנצער מיליטערישער מאכט, אפילו ווען דיא סטרייקערס זאלען זיך גאר ניט צייגען אויפ'ן גאס און זאלען שטילערהייט הונגערן אין זייערע וואהנונגען.

נאר איבער דעם ווייא אויך וועגען אנדערע פונקטען אין דער פראגע וועגען גענעראל־סטרייק וועלען מיר ריידען אין א צווייטען ארטיקעל.

פ. קראנין.

# וויסענשאַפט און לעבען

פון דר. ה. זאלאָטאַראָוו.

.1

מענשען פארגעטערען דיא נאַטור. ניט נור דיא גלויביגע בוקען זיך פאר איהרע וואונדער, ווייל זיי רעכענען אז זיא איז דער פּראָדוקט פון א פאָלקאָמענער געטליכער קראפט, זאָנדערן אויך דיא פריי־דיינקער זעהען אין איהר אַ וואונדערבארע הארמאָניע פון קרעפטען, אַ זעלטענע שטימונג פון פארבען און טענער, אַן ערהאַבענע צוזאמענהאַנג פון אורזאכען און ערשיינונגען.

פּאָעטען האָבען אימער געהאָלפען איינצופלאַנצען אין דעם מענשען אַ בעצויבערענדען בעגריף איבער דער נאַטור. זיי דיכטען און זינגען אימער פון דער וואונדערבארער שטימונג, וואָס עקסיסטירט צווישען דיא אונצעהלבאַרע וועלטען אין דעם אונענדליכען רוים; זיי צוגיסען זיך אין זיסע ליעדער און לויבגעזאַנגען איבער דער רייצענדער שעהנהייט פון אונזער אייגענער וועלט — פון אונזער ערד, וועלכע דרעהט זיך אַזוי קונציג צווישען אַלע שטערן און פּלאַנעטען. פיר זיי קריעגען איהרע בערג און טהאָלען, איהרע וועלדער און פעלדער, איהרע ימים און וואַסערפאַלען עפּעס אַ בעזונדערען מאַיעסטעטישען חן. און אַלעס וואָס לעבט, מעהרט זיך און פּרוכפּערט זיך אונטער דער אונענדליכער בלויער דעקע פון דיא הימלען, גיעסט זיך צונויף פיר זיי אין איין גרויסער הארמאָנישער גאַנצקייט, בעגלייטעט פון אַקקאָרדען פון הארמאָנישע טענער, בעלויכטען דורך דיא שטראַהלען פון הארמאָנישע פארבען. און זיי בעגייסטערן דעם מענשען מיט דעם מאַגישען גלויבען אין אייביגער אַלוועלטליכער הארמאָניע, און עס איז אַ שעהנער, אַ וואונדער שעהנער גלויבען!

אָבער נאָך פאר דעם גלויבען אַז אַלעס איז דער נאַטור איז הארמאָניש, וואורצעלט זיך איין אין דער מענשליכער זעעלע דער געדאַנק, אַז אַלעס אין דער נאַטור איז פאָלקאָמען. ביידע — פאָלקאָמענהייט און הארמאָנישע שטימונג אין דער נאַטור — שפּראָצען ארויס פון דער פערגעטערונג פון דיא נאַטירליכע קרעפטען און דיא נאַטירליכע ערשיינונגען, און ביסלעכווייז ענטוויקעלט זיך אין דעם בעוואוסטזיין פון מענשען דער גלויבען וועלכען מיר געפינען אויסגעדריקט אַם שעהנסטען ביי דיא אַלטע גריכען, אַז אַלעס וואָס עס איז געטליך, איז פאָלקאָמען, און וואָס עס איז פאָלקאָמען איז הארמאָניש.

* * *

פערנינפטיגער און טיעפער האָט אַ בליק געטהאָן אויף דער געטליכקייט, פאָלקאָמענהייט און הארמאָניע פון דער נאַטור — דיא נאַטורוויסענשאַפט.

זיא האָט געמאַכט אַן אונטערשיעד צווישען דיא פערגעטערונג פון דער נאַטור אין דיא בעגריפע פון פאָלקאָמענהייט און הארמאָניע ביי מענשען. זיא האָט געלערנט אַז דיא פערגעטערונג פון דער נאַטור איז בעגרינדעט אויף פשוט'ער אונוויסענהייט וועגען דיא קרעפטען און ערשיינונגען פון דער נאַטור און זיא האָט בעוויעזען, אַז דער בעגריעף פון פאָלקאָמענהייט איז בעגרינדעט אויף דעם שטרעבען פון יעדער בעשעפעניש צו מאַכען אַלעס בעסער און פאָלקאָמענער פאר זיך אַליין, פאר איהר אייגענעם לעבען דורך אַ בעסערע צופּאַסונג צו דיא ארומיגע אומשטענדען. ענדליך האָט זיא בעוויעזען, אַז דער בעגריעף פון הארמאָניע שטאַמט פון דער רעגעלמעסיגקייט פון נאַטירליכע ערשיינונגען און פון דער וואונדערבארער שטימונג, וועלכע דיעזע רעגעלמעסיגקייט רופט ארויס אין דער מענשליכער זעעלע. וואָס מעהר דיא וויסענשאַפט האָט נאָכגעפאָרשט דיא סודות פון דער נאַטור, וואָס מעהר זיא האָט ענטדעקט איהרע פערבאָרגענע געזעצען, אַלץ קלאָרער און קלאָרער איז געוואָרען דאָס בעוואוסטזיין ביי מענשען, אַז דיא רעגעלמעסיגקייט פון נאַטירליכע ערשיינונגען, דיא גרויסע הארמאָנישע שטימונג אין דער נאַטור

וואָס ווערט אזוי געלויבט פון דיא גלויביגע און בעזונגען פון דיא דיכטער, *בעצוועקט גאָר ניט קיין פאָלקאָמענהייט*, זוכט ניט צו צופּאַסען אַלעס וואָס לעבט אין איהר צו דיא גינסטיגסטע אומשטענדען פון לעבען, נאָר פּארקעהרט, אין דעם גרויסען, לאַנגען לויף פון דער נאַטירליכער ענטוויקלונג ענטשטעהען זיך *אויך* אומשטענדען און ערשיינונגען, וועלכע זיינען פונקט דער היפוך פון הארמאָנישער שטימונג, וועלכע שיינען צו זיין דיא צערשטערענדע קרעפטען פון לעבען, וועלכע שיינען צו בעשאַפען אַ וואונדערבארע דיסהארמאָניע אין דער נאַטורליכער הארמאָניע.

אין דעם וועלט־רוים מיט זיינע אונצעהלבארע שטערען קען דיא וויסענשאַפט ניט אַנווייזען אויף דיא צושטערענדע קרעפטען, אויף דיא דיסהארמאָנישע ערשיינונגען פשוט דערפאר, ווייל דער מענשליכער פערשטאַנד קען אין דער גרויסער אויסערער נאַטור ניט ענטדעקען ניט דיא צוועקמעסיגקייט און ניט דיא נעהטיגע בעדינגונגען פון איהר עקזיסטענץ, ווייל דיא וויסענשאַפט ווייסט ניט און האָט נאָך דערווייל ניט דיא מיטלען אויסצוגעפינען פאר וואָס דיא וועלט און אַלע וועלטען עקזיסטירען.

אָבער אין דער ענטוויקלונג פון לעבעדיגע בעשעפעניסען אויף אונזער פּיצעלע פון וועלט־רוים, אויף אונזער ערד, זיינען דיא צוועקמעסיגקייט און דיא נעהטיגע בעדינגונגען פון עקזיסטענץ גאַנץ קלאָהר. דאָ האָט דיא לעבענס־וויסענשאַפט זיי פעסט געשטעלט. דיעזע בעדינגונגען זיינען: דיא ערהאַלטונג פון דעם לעבען פון דער איינצעלנער בעשעפעניש און דיא ערהאַלטונג פון איהר אייגענעם מין. דיא ערשטע בעדינגונג ווערט עררייכט דורך נאַהרונג, דיא צווייטע דורך פרוכפערונג, און אַלע קרעפטען און ערשיינונגען אין דער נאַטור, וועלכע שטימען מיט דיא נעטהיגע בעדינגונגען פון *דעם לעבענס־ציעל*, זיינען געוויס הארמאָנישע קרעפטען און ערשיינונגען און, וועניגסטענס טהיילווייז, אויך פאָלקאָמען; פארקערט אָבער, אַלע קרעפטען און ערשיינונגען אין דער נאַטור וועלכע הינדערן אָדער וועלכע *זיינען ניט אין איינקלאַנג* מיט דיא נעטהיגע בעדינגונגען פון דעם לעבענסציעל, זיינען צושטערענדע און ניט־פאָלקאָמענע קרעפטען; זיי זיינען דיא *דיסהארמאָנישע קרעפטען* און ערשיינונגען אין דער נאַטור.

צו לערנען און צו ענטדעקען דיא מיטלען, וויא אזוי אויסצומיידען דיא צושטערענדע ווירקונג פון דיא דיסהארמאָנישע קרעפטע אין דעם *מענשליכען לעבען* — דאָס האָט זיך געשטעלט צום ציעל דער גרויסער געלערנטער עלי מעטשניקאָוו אין זיין בוך „דיא נאַטור פון דעם מענשען.“

דיעזער גרויסער געלערנטער אנערקענט דיא הארמאָנישע שטימונג אין דער נאַטור. ער געפינט אָבער אפילו אין דעם לעבען פון נידעריגערע בעשעפענישען, וויא דער מענש, קרעפטען און ערשיינונגען, וועלכע שיינען ניט צו זיין איינשטימיג מיט דיא נעטהיגע פּראָצעסען פון זייער לעבען, דאָס הייסט קרעפטען און ערשיינונגען, וועלכע שטערען זייער עקזיסטענץ. נאָר איהם איז נאַטירליך ניט אזוי נוגע דיא וועלט פון דיא נידעריגערע בעשעפענישען, וויא דער מענש אליין. דאָס לעבען פון דעם מענשען אינטערעסירט איהם אַם שטאַרקסטען, דיא ליידען פון דעם מענשען בעוועגען איהם צו פאָרשען דיא קרעפטען, וועלכע שטערען זיין לעבען, און זיין שטרעבונג איז אָנצוצייגען, אז דיא לעבענס וויסענשאַפט (ביאָלאָגיע) קען געפינען דעם וועג און דיא מיטלען אויסצומיידען דיא צושטערענדע קרעפטען, דיא דיסהארמאָנישע ערשיינונגען אין דעם לעבען פון דעם מענשען.

ער ווייזט, דאָס בלינדערהייט האָבען שוין דיא רעליגיאָנען געפיהלט, אז עס זיינען פאראַן נאַטירליכע צושטערענדע קרעפטען אין דעם מענשענס לעבען פון וועלכע ער ליידעט אָהן אַ שיעור, און זיי האָבען טאַקי דערפאר געשאַפען פיר דעם מענשען מאָראַלע געבאָטען און אַ „יענע וועלט“; ער ווייזט אויך, אז דיא פילאָזאָפיע האָט אין דער פינסטער אָנגעטאַפט דיא דיסהארמאָנישע ערשיינונגען אין דעם מענשען׳ס לעבען און האָט איהם געוואָרפען אויף דיא כוואַליעס פון דעם מענשליכען געדאַנק — דאָ אין דעם פעסימיסטישען אָבגרונד פון פערצווייפלונג, דאָ אין דער ליכטיגער הימלישער הויכקייט פון פאָרטשריט און האָפנונג. ער ווייזט אָבער אויך, אז ניט דיא רעליגיאָן און ניט דיא פילאָזאָפיע האָבען געהיילט וואונדען און ליידען פון דער מענשהייט— דיא וואונדען און ליידען, וועלכע שפּראָצען פון דער נאַטירליכער ניט־שטימונג, פון דער נאַטירליכער דיסהארמאָניע אין דעם מענשען׳ס לעבען. דיא וויסענשאַפט, ערקלערט ער, דיא פּאָזיטיווע לעבענס וויסענשאַפט וועלכע שטודירט דיא דיסהארמאָנישע קרעפטען און ערשיינונגען פון דעם

לעבען — זיא אליין קען נור אויסגעפינען דיא מיטלען, וויא דיא ליידען פון מענשען אַבצושאַפען און וויניגסטענס צו פערקלענערען.

זיין ארבייט צוטיילט זיך דארום אויף דריי בעשטימטע טהיילען: ערשטענס, לערנען און פאָרשען דיא צושטענדע, ערשיינונגען פון דעם מענשען'ס לעבען; צווייטענס, אויפווייזען, אַז דיא רעליגיאָנען און פילאָזאָפישע סיסטעמען האָבען ניט אַבגעשאַפט דיא ליידען וואָס שפּראָצען ארויס פון דער דיסהארמאָניע פון קרעפטען און ערשיינונגען אין דער נאַטור פון דעם מענשען, און דריטענס, אויפווייזען אויף יענע וויסענשאַפטליכע מיטלען, וועלכע קענען פיהרען צו דער ערלעזונג פון מענשען. אַט דיא ארבייט טוט ער טאַקי. וויא אזוי? דאָס וועלען מיר באַלד זעהען.

* * *

אין דעם לעבען פון מענשען, פּונקט וויא אין דעם לעבען פון אנדערע חיות, זיינען דיא ערנעהרונג און דיא פּרוכפּערונג דיא הויפּט־גרינדע פון עקזיסטענץ. דאָס לעבען פון דעם מענשען קען נור דאַן בעשטעהען און האָבען אַ ממשות ווען דיא דאָזיגע צוויי הויפּט־בעדירפניסע זיינען פאָלשטענדיג ערפילט. ווען דיא נאַטור פון דעם מענשען וואָלט געווען באמת הארמאָניש און פאָלקאָממען, וואָלטען, דוכט זיך, אלע קרעפטען פון זיין קערפּער, אלע גליעדער פון זיין גוף, יעדער אָרגאַן וואָס נעהמט אנטהייל אין דער ערנעהרונג און אין דער פּרוכפּערונג פון דעם מענשליכען מין געדאַרפט נאַטירליכערהייט זיין אזוי קונציג צוגעפּאַסט צו דער פאָלשטענדיגער ערפילונג פון דיזע הויפּט־פּראָצעסען פון לעבען, אַז זיי זאָלען ערפילט ווערען אויף'ן גינסטיגסטען און בעסטען אופן. אָבער אין דער ווירקליכקייט איז דיא מעשה גאָר ניט אזוי, וויא יעדערער ווייס עס אָהן שום חקירות און וויסענשאַפטען.

שוין ניט רעדענדיג פון דעם, וואָס דער מענשליכער קערפּער איז בעדעקט מיט האָר — אַ ירושה פון אונזערע האָריגע אבות, פאַר וועלכער דאָס איז טאַקי זעהר ניצליך געווען, אָבער אונז ברייגגט עס נור שאָדען מיט דעם, וואָס דיא בעסערע ערנעהרונג און דיא גרעסערע ריינקייט פון דער הויט ווערט געשטערט; שוין ניט רעדענדיג פון דעם, וואָס דאָס גאַנצע מויל מיט ציין ביי דעם מענשען איז אַ ירושה פון יענעם ווילדען צושטאַנד פון דער חיה, ווען זיא האָט זיך גענעהרט מיט רויהע און הארטע נאָהרונגס־מיטלען, וועלכע זיא האָט געמוזט רייסען און צופען מיט איהרע שטאַרקע פאַרערשטע ציין און קייען מיט איהרע נאָך שטאַרקערע באַקציינער, אָבער וועלכע זיינען שוין פיר דיא יעצטיגע ווייכע, פליסיגע און גוט געקאָכטע עסענס פון ציוויליזירטע מענשען כמעט אוננעטהיג און וועלכע זיינען פון דעסטוועגען אָפט דיא אורזאַכען פון טויטליכע געוואוקסען אויף דיא יאַסלעס, געפעהרליכע אונריינליכקייט און שמערצהאַפטע ענטצינדונגען און פעראייטערונגען, וואָס געבען דעם מענשען אַ ים פון ליידען און צעהנווייטאָג; שוין ניט רעדענדיג פון אנדערע אזעלכע ווילדע ירושות, איז דער נאַהרונגס־קאַנאַל ביי מענשען גאָר אָהן נוטצען, לאַנג וויא דער יודישער גלות און איז אין זיין גאַנצער לענג דאָס גרויסע פעלד פון מיקראָסקאָפּישע חיה'לאַך, וועלכע זיינען דיא אמת'ע מלאכי חבלים אין דעם מענשענ'ס לעבען. דיא מיקראָבען זיינען דיא געפעהרליכסטע פיינד פון דעם מענשען, אָפט זיינען זיי דיא אורזאַכע פון דעם טויט און נאָך עפטער זיינען זיי דיא אורזאַכען פון לאַנגע, שמערצהאַפטע קראַנקהייטען. אויך אין דעם געבוי פון דעם נאַהרונגס־קאַנאַל ביי מענשען זיינען פאַראַנען טהיילען, וועלכע זיינען אַ ירושה פון ניעדעריגערע חיות און ברייגגען דעם מענשען נור שאָדען. אזוי למשל איז דאָס קלייניגקע בלינדע קישקעלע וואָס האָט זיך ערוואָרבען אזא טרויעריגע רעפּוטאַציע אין אונזער צייט, ווייל דיא מעדיצין האָט פעסטגעשטעלט, אַז עס איז דער פּלאַץ פון אַ טויטליכער ענטצינדונג — פון אַפּענדיציטיס.

פּראָפעסאָר מעטשניקאָוו האָט דאַרום רעכט, ווען ער שליעסט זיין נאָכפאָרשונג וועגען דיא מענשליכע אָרגאַנען מיט דיא פאָלגענדע ווערטער: „דער נאַהרונג און פערדייהונגס אַפּפּאַראַט שיינט צו געבען אונז גענוג בעווייזע איבער דער אונפאָלקאָממענהייט און דער ניט שטימונג אין אונזער נאַטור.“

* * *

אָבער וויא אונפאָלקאָממען עס זאָלען ניט זיין דיא אָרגאַנען און דיא טהעטיגקייט פון דעם נאַהרונגס־קאַנאַל ביי מענשען, זיינען דיא אָרגאַנען פון אויפהאַלטען דעם מענשליכען מין נאָך מעהר אונפאָלקאָממען. זייער אונפאָלקאָממענער געבוי, פּונקט וויא זייער אונפאָלקאָממענע טהעטיגקייט פעראורזאַכען ביידע געשלעכטער און ספּעציעל דער פרוי אונגעהייערע ליידען און שמערצען. אויך דאָ זיינען איבערגעבליעבען אונניצליכע אָרגאַנען פון אונזערע טהיערישע אבות. עס איז בעוויזען אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען

דיא צוויי געשלעכטער זיינען געווען אין איין פערזאָן, אין איין לעבעדיגען וועזען. זייט דאַן זיינען פערפלאָסען ווער ווייסט וויא פיעל מיליאָנען יאָהרען. זייט דאַן האָבען זיך דיא געשלעכטער אין גאַנצען פאַנאַנדער געטהיילט. דער זכר האָט זיין אייגענעם געבוי און זיין אייגענע טהעטיגקייט און דיא נקבה איהר אייגענעם געבוי און איהר אייגענע טהעטיגקייט. פון דעסטוועגען פערבלייבען נאָך ביז היינטיגען טאָג אין דעם געבוי פון יעדען פון זיי געשלעכטליכע אָרגאַנען פון דעם געגענגעזעצטען געשלעכט. נאַטירליך, בריינגען אַזעלכע אָרגאַנען קיין נוטצען ניט, זיי זיינען נאָר אַן אורזאַכע פון קראַנקהייטען און ליידען.

און דאָך איז דאָס ניט אַלעס. אפילו אין דעם רעגעלמעסיגען לעבען פון אַ געזונטער פרוי זיינען פאַראַנען ערשיינונגען, וועלכע קענען ניט בעטראַכטעט ווערען פאַר נאָרמאַלע און האַרמאָנישע מיט דיא ציעלען פון דעם לעבען; מיט דער ערהאַלטונג פון דעם לעבען פון דער בעשעפעניש גופא. וויא דיא לעבענס־וויסענשאַפט זאָל זיך ניט בעמיהען, קען זיא דאָך ניט ערקלעהרען דעם רעגעלמעסיגען פערלוסט פון בלוט ביי פרויען אַלס אַ נאָרמאַלע און האַרמאָנישע ערשיינונג מיט דיא בעדירפניסען פון איהר געזונטען לעבענס־צושטאַנד. וויא דיא וויסענשאַפט זאָל זיך ניט בעמיהען, קען זיא פון דעסטוועגען ניט ערקלעהרען דיא אונגעהייערע שמערצען און ליידען, וועלכע בעגלייטען דיא געבורטען, אַלס אַ נאָרמאַלע און האַרמאָנישע ערשיינונג אין דעם לעבען פון דער פרוי.

ווען מען פערגלייכט דיא דאָזיגע פראָצעסען מיט ענליכע ערשיינונגען ביי ניעדעריגערע חיות, צייגט זיך אַרויס, אַז ביי מענשען זיינען דיא אינערליכע נאַטירליכע קרעפטען פון עקזיסטענץ גראָדע פיעל ווייניגער האַרמאָניש, פיעל ווייניגער אין אַנקלאַנג מיט דיא בעדירפניסע פון דעם לעבען וויא ביי זיי — ביי דיא ניעדעריגערע חיות. אפילו אין דעם קערפּערליכען געבוי פון מענשען זיינען פאַראַנען אַזעלכע משונה'דיגע ערשיינונגען, אַז עס איז פשוט צום שטוינען איבער דעם אונגעהייערען שאָדען וואָס זיי בריינגען; ווער רעדט שוין גאָר וועגען זייער האַרמאָנישער שטימונג מיט דיא נויטיגע און נאָרמאַלע פראָצעסען פון דעם לעבען. אַזוי עררייכט דאָס קינד — דאָס מיידעל — נאַטירליכערהייט דיא שטופע פון אַ פרוי נאָך איידער איהר קערפּערליכער געבוי האָט זיך גענוג ענטוויקעלט צו קענען ווערען אַ מוטער, און דער אינגעל הייבט אָן צו פיהלען געוויסע פיזאָלאָגישע בעדירפניסע פיעל פריהער, איידער ער האָט זיך ענטוויקעלט צו דעם ערוואַקסענעם מענשען. וויא פיעל אונגליקען, וויא פיעל שעדליכע געוואָהנהייטען, וויא פיעל שמערצען ליידען און אָפּפער דיעזע ערשיינונגען טראָגען אַריין מיט זיך אין דעם מענשליכען לעבען!

פון דעסטוועגען, וויא אונהאַרמאָניש עס זאָלען ניט זיין דיא אַלע לעבענס קרעפטען, לעבען דאָך מענשען; זיי לעבען און האַלטען זיך אָן דעם לעבען מיט אַלע כוחות. עס ווילט זיך עפּעס אַזוי שטאַרק לעבען און לעבען. מיר ערקלערען זיך דעם שטאַרקען וואונש צו לעבען דורך דעם, וואָס מיר לערנען, אַז דער לעבענס־טריעב, דאָס הייסט דיא ערהאַלטונג פון דעם לעבען און דיא ערהאַלטונג פון דעם מין, זיינען דיא שטאַרקסטע נאַטור־געזעצען פון לעבען. וואָלט שוין, דוכט זיך, דאָ געדאַרפט אַלעס שטימען און האַרמאָנירען, וואָלטען שוין, דורכט זיך, אָט דיא צוויי גרויסע לעבענס־טריעבען געדאַרפט זיין פאָלקאָמען. אָבער ניין! אויך דאָ, וויא אומעדום, געפינען מיר דיא שרעקליכסטע פאָלגען פון ניט שטימונג. מיר וועלען זיך אָבשטעלען נור אויף איניגע.

אַלע ניעדעריגערע חיות קענען אויסוויילען זייערע נאַהרונג, זיי האָבען אַ בעזונדערען אינסטינקט דערצו. זיי שמעקען אַרום זייער עסען, זיי לעקען עס און קלייבען אויס דאָס, וואָס איז גוט און ניט שעדליך פיר זייער ערהאַלטונג אין לעבען. דער מענש שיינט צו האָבען פאַרלוירען דיעזע פעהיגקייט צו וועהלען זיינע נאַהרונגס־שטאָפען. ער קען אויך לעקען און קען אויך שמעקען — ער פיהלט אַ טעם, אַ ריח, ער ווייסט אָבער ניט וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט פיר דער ערהאַלטונג פון זיין לעבען, סיידען ער האָט געמאַכט דעם אויסוואַהל פון נאַהרונג דורך ערפאַהרונג, פאַר וועלכער ער האָט טהייער בעצאָהלט, אָפט מאָל מיט הונדערטע און טויזענדע לעבענס. און אַז ער האָט שוין דיא ערפאַהרונג? פערגיפטעט ער זיך ניט מיט אַלקאָהאָל, מיט אָפּיום, מיט אַנדערע מאכלים. וואָס ווייזען זיך איהם אויס אַזוי גוט און קאָסטען איהם פון דעסטוועגען אַזוי טהייער! און דאָס איז אַלין דערפאַר, ווייל עס ש ט י מ ט נ י ט זיין אויסוואַהלסקראַפט פון נאַהרונג מיט דיא נעטהיגע בעדינגונגען פון זיין לעבענס־ערהאַלטונג. וואוזשע איז דיא האַרמאָניע אין זיין נאַטור,

אין דער ערהאַלטונג פון זיין פּערזענליכען לעבען און אין דער ערהאַלטונג פון דעם מין?

דאַכט זיך, מענשען לייגען זיך אַזוי אַוועק צוליעב קינדער, עס שיינט, אַז קיין בעשעפעניש זאָרגט ניט אַזוי וועגען דעם יונגען דור, וויא דער מענש, און דאָך אַזוי ווייט צוריק וויא מיר קענען אריין דרינגען אין דיא אַלטע צייטען, געפינען מיר, אַז מענשען האָבען אונערבאַרמליך געטויטעט זייערע קינדער, אַז פרויען פלעגען פערניכטען און פערניכטען נאָך ביז היינטיגען טאָג דיא פרוכט אין זייערע לייבער, טראָץ דעם וואָס עס קאָסט דער מענשהייט אונצעהליגע לעבענס און אונבעגרענצטע ליידען און קראַנקהייטען. פאַרקערט, עס שיינט, אַז וואָס מעהר דיא מענשען ענטוויקלען זיך, וואָס מעהר זיי ערךייכען אַ העכערע שטופּע פון לעבען אַלץ ווייניגער ווילען זיי ערהאַלטען זייער אייגענעם מין, אַלץ שוואַכער ווערט ביי זיי דער וואונש צו האָבען קינדער, צו זאָרגען פאַר דעם יונגען דור.

דערצו פיהרט טהיילווייז דיא בעפרייאונג און ענטוויקלונג פון דער פרוי אין אונזער לעבען. אָבער אין דעם שרעקליכען ווידערשפּרוך פון פאָרשריט און ענטוויקלונג מיט דיא בעדינגונגען פון דעם טריעב צו ערהאַלטען דעם מענשליכען מין, זעהען אייניגע נאַטור־פאָרשער פשוט דיא קערענדליך פון דער מענשליכער פערניכטונג. דאָ איז שוין ניט דיא רעדע מעהר פון אַן איינפאַכער ניט־שטימונג, נאָר פון פשוט'ער פערניכטונג, און מעטשניקאָוו מעג זיך ערלויבען צו שליעסען דעם טהייל פון זיין פאָרשונג מיט דיא ווערטער: „ווען מיר זאָלען אורטהיילען פון דיא פאַקטען, איז קיין צווייפעל ניט, אַז טראָץ דעם וואָס דיא מענשליכע נאַטור (קאָנסטיטוציאָן) איז אין פיעלע הינזיכטען פאָלקאָמען און ערהאָבען, געפינען מיר אָבער אין איהר אַזוי פיעל ליידען און שמערצען, אַז מען קען דיא מענשהייט צוגלייכען צו יענער פליעגעל. וואָס ווערט דורך איהרע אינערליכע אינסטינקטען געצויגען צום פלאַם, בריהעט זיך נעבענדאָרטען אָב און פאַלט אַנידער מאַכטלאָז."

* * *

אַזוי האָט דער גרויסער רוסישער געלערנטער אַ שאָקעל געטהאָן דעם אַלטען גלויבען אין דער פאָלקאָמענהייט און אין דער האַרמאָנישער שטימונג פון דער נאַטור, אַזוי האָט ער ארויסגעבראַכט פאַקטען, וועלכע עפענען אונזערע אויגען צו טהאַטזאַכען און ערשיינונגען וואָס מוזען געענדערט ווערען אין אַ בעשטימטען און זיכערען וועג.

דיא רעליגיאָנען האָבען עס פּרובירט צו טהאָן — מיר ווע֫לען זעהען, וויא ווייט עס האָט זיך זיי איינגעגעבען. דיא פילאָזאָפיע האָט עס אויך פּרובירט, און איצט, אין דיא הענד פון עלימעטשניקאָוו, פּרובירט עס דיא וויסענשאַפט — מיר ווע֫לען זעהען, אין אַן אַנדער אַרטיקעל, וויא זיא קען לייזען דיעזע שווערע אַלמענשליכע פראַגע.

## נאָך צוויי נייע יסודות.

טשאַרלז באַסקערוויל, פּראָפעסאָר פון אוניווערזיטעט פון סטייט נאָרטה־קאַראָליינאַ, האָט לעצטען 8 אַפּריל בעקאַנט געמאַכט אויף אַ מיטינג פון דער אַמעריקאַנער כעמישער געזעלשאַפט, אַז איהם איז נאָך צעהן יאָהר אונטערזוכונגען און פּראָבעס געלונגען צו ענטדעקען צוויי נייע עלעמענטען, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבען קאַראָליניום און בערצעליום. זיי שיינען אויך אין דער פינסטער אַזוי וויא ראַדיום. דערווייל איז עס אַלעס וואָס מען ווייס פון דיעזע יסודות. אויב עס וועט זיך ארויסצייגען, אַז פּראָפעסאָר באַסקערוויל האָט קיין טעות ניט געמאַכט, וועט ער זיין דער ערשטער און איינציגער אַמעריקאַנער וואָס האָט ענטדעקט אַן עלעמענט.

# מאראל און סאציאליזמוס

צווישען דיא פיעלע זאכען וואָס שפּיעלען אַ ראָלע אין מענשליכען לעבען פאַרנעהמט דיא מאָראל אַ וויכטיגען פּלאַץ. וויא דער בעגריעף פון מאָראל זאָל ניט זיין פערשיעדען, פון רעסטוועגען סטאַרען מיר זיך אַלע אונזערע טהעטיגקייטען צו שטעלען אונטער איין גרויסען מאָראַל־קריטעריום. ווען מען זאָל צונעהמען ביי אונז דיא מאָראַלישע הסכמה, דאַן שטעלט זיך אונז אָפּ פון אַלעס, וואָס איז געווען פיר אונז הייליג און טהייער, ניט מעהר וויא אַ טויטער קערפּער, וויא אַ גוף אָהן אַ נשמה.

אונטער דעם נאָמען פון מאָראל זיינען געטהאָן געוואָרען און עס ווערען געטהאָן דיא שענדליכסטע זאכען אין דער געשיכטע. אונטער דעמזעלבען נאָמען ווערן אויך אויפגעבויעט נייע פּראָגרעסיווע אידעען פון מענשען־ליעבע, פרייהייט און גלייכהייט. מען בעדאַרף נאָר אַ קוק טהאָן ערנסט וואָס ארום אונז טהוט זיך, אום צו ווערען איבערצייגט, אַז אַלעס וואָס מיר טהוען, סטאַרען מיר זיך צו בעדעקען מעהר אָדער וויינינגער מיט געוויסע מאָראַלישע מאַנטלען. אַלע געזעצען פון אַלע רעגיערונגען, וויא פערשיעדען זיי זאָלען ניט זיין און וויא זיי זאָלען ניט דיענען דיא אינטערעסען פון אַ געוויסען קלאַס אָדער קלאַסען, פון דעסטוועגען זוכט מען צו פערטהיידיגען זייער עקזיסטענץ און נויטוועגדיגקייט מיט געוויסע מאָראלע שטרעבונגען. דאָס גלייכען אַלע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען, וועלכע קעמפּפען געגען דיא רעגיערונגען און ווילען איינפיהרען אין לעבען רעפאָרמען, געהען אויך ארויס פון אַ מאָראַלישען שטאַנדפּונקט.

ביי גלויביגע מענשען איז רעליגיאָן פעסט פערבונדען מיט מאָראל. צו ערפילען דיא רעליגיעזע פאָרשריפטען איז ביי זיי אַלץ איינס וויא צו ערפילען דיא מאָראַלישע. גאָט ווערט ביי זיי גערעכענט פאר דעם מקור פון מאָראל, וואָס ער הייסט מוז זיין מאָראַליש. צו העלפען איין מענשען אין אַ נויט און דעם זעלבען מענשען פערשטיינען פאר ניט אָפּהיטען שבת — ביידע טהאָטען זיינען גלייך מאָראַליש, ווייל אזוי האָט גאָט געבאָטען. אזוי דענקען און זאָגען דיא גלויביגע.

שקלאַפעריי איז אנערקענט געוואָרען פון דיא גרעסטע גריכישע פילאָזאָפען פיר מאָראַליש; דיעזעלבע שקלאַפעריי איז פון פילאָזאָפען אין שפּעטערע צייטען אַנערקענט געוואָרען פיר אַ שענדליכען פאַקט אין דער געשיכטע.

דיא ווירקונג פון דער רוימישער קירכע אין מיטעלאַלטער, מיט דער אינקוויזיציאָן אַן דער שפּיצע, איז געווען אונטער אַ מאַנטעל פון מאָראַל. לוטהער און אַנדערע האָבען פּראָטעסטירט געגען דיעזע מאָראַל אויך ארויסגעהענדיג פון אַ מאָראַלען שטאַנדפּונקט.

פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט איז געפאָדערט געוואָרען אין דער ערשטער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן אויפ'ן באָדען פון מאָראַל, און אויף דעם זעלבען באָדען האָט דיא גלאָטינע געהאַקט די קעפּ ניט נאָר פון די געגנער פון דער רעוואָלוציאָן, זאָנדערען פון איהרע פאָרקעמפּפער און פריינד.

מאָראַל איז דער באָדען, אויף וועלכען אַלע פּאַרטייען פון 19טען יאָהרהונדערט האָבען ענטוויקעלט זייערע טהעאָריען, מאָראַל איז אויך דער באָדען און שטאַנדפּונקט, אונטער וועלכען יעדער פון אונז פאַרמאַסקירט זיין עגאָאיסטישען ארט לעבען, און אין דער זעלבער צייט דער מאַסשטאַב, מיט וועלכען מיר מעסטען דיא ווירדיגקייט און עהרליכקייט פון אונזערע מיטמענשען.

יעדע פילאָזאָפישע סיסטעם, וויא זיא זאָל ניט זיין פערשיעדען פון אַנדערע, פערגעסט זיא ניט ארויסצוזאָגען איהר מיינונג וועגען מאָראַל. עס איז זעלטען צו קריעגען אַ ליטעראַריש ווערק וואו עס זאָל ניט זיין בעריהרט וויינינגער אָדער מעהר דיא מאָראַלישע זייט פון לעבען.

מיט דעם ווילען מיר ניט זאָגען אַז מאָראַל איז דער איינציגער פאַקטאָר אין מענשליכען לעבען. אויך ווילען מיר ניט זאָגען, אַז מאָראַל איז אַן אַבסאָלוטער געפיהל אין מענשליכען כאַ־

ראַקטער. אונז איז וויכטיג דערוויל צו קאָנסטאַטירען דעם פאַקט, אַז אַלעס וואָס מיר טוען, וואָס עס טראָגט נאָר אַגעזעלשאַפטליכען כאַראַקטער, קריעגט באַלד פיר מענשען אַ געוויסע מאָראַלישע ווירדע, וועלכע שפּיעלט זעהר אַ גרויסע ראָלע אין אונזער אייגענעם לעבען און אין דעם לעבען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

* * *

יעצט קענען מיר נעהענטער צוטרעטען צו דער פראַגע וועגען דיא בעציהונג פון מאָראַל צו סאָציאַליזמוס.

אַלס אַ געזעלשאַפטליכע בעוועגונג מיידעט דער סאָציאַליזמוס ניט אויס דעם געוועהנליכען גאַנג פון אַלע געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען. אָבער נאָך מעהר וויא אַלע איבעריגע בעוועגונגען נוצט ער דיא מאָראַל אַלס אַ מיטעל צו פערשפּרייטען זיינע אידעען און פּרינציפּען. ווי פיעל מיר זאָלען ניט זיין איבערצייגט, אַז דער אייציגער וועג וואָס פיהרט צום סאָציאַליזמוס, איז דער געשיכטליכער קלאַסען־קאַמפף, פון דעסטוועגען אָהן מאָראַלישע גרינדע וואָלט אָבגעשוואַכט געוואָרען זיין איינפלוס אפילו אויף דעם ארבייטער קלאַס, וועלכער בעדאַרף זיין פעראינטערעסירט אין זיין פערשפּרייטונג צוליעב אייגענע קלאַסען־אינטערעסען.

אין אָנפאַנג פון פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט איז דער סאָציאַליזמוס כמעט אין גאַנצען געווען אַ מאָראַלישע שטרעבונג. דיא סאָציאַליסטען־אוטאָפּיסטען האָבען ניט בעגרינדעט זייער טהעאָריע אויפ'ן קלאַסענקאַמפף. מען דערצעהלט, אַז דער פראַנצויזישער סאָציאַליסט אוטאָפּיסט פוריע האָט אַ געוויסע צייט טעגליך אָבגעוואַרט אַז דיא רייכע וועלען קומען צו איהם אָבגעבען זייער רייכטהום פיר דיא געזעלשאַפט, וועלכע ער האָט געפּלאַנעוועט.

אַז אַזאַ אַרט סאָציאַליזמוס איז בעגרינדעט נאָר אויף מאָראַל, דאָס זעהט יעדער דייטליך. נאָר ווען מיר זאָלען זיך גוט צו קוקען און בעטראַכטען דעם מאָדערנעם סאָציאַליזמוס, וויא ער איז אויסגעדריקט געוואָרען אין דעם מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי דורך מאַרקסען מיט ענגעלסען, אַלס אַ נויטווענדיגע געזעלשאַפטליכע ערשיינונג אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, פון דעסטוועגען, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס אַזאַ אַרט סאָציאַליזמוס האָט געקענט זיין פריי פון מאָראַל, זעהען מיר, אַז זיא שפּיעלט אין איהם זעהר אַ גרויסע ראָלע, איינפאַך דעריבער, ווייל לעבענדיג אין אַ'ן אָרדנונג פון עקספּלואַטאַציאָן, מוז דיא שטרעבונג צו גלייכהייט אויך זיין אַ מאָראַלישע.

ווען פיר אונז ווערט דייטליך, אַז סאָציאַליזמוס איז און מוז זיין פערבונדען מיט מאָראַל, ווערט נויטהיג צו שטעלען דיא פראַגע: וואָס פיר אַ ווירקונג קען האָבען דיא לעהרע פון דיא יעניגע וועלכע לייקענען אָב דיא עקזיסטענץ פון מאָראַל? דיעזע פראַגע דאַרף מען שטעלען, ווייל אין דער לעצטער צייט האָט דיעזע לעהרע מיט איהר קלינגענדען אויסרוף: „ניעדער מיט דער מאָראַל"! זיך אַנגעפאַנגען צו פערשפּרייטען. עס פרעגט זיך: וואָס פאַר אַ ווירקונג קען דיעזע לעהרע האָבען אויפ'ן סאָציאַליזמוס און אויפ'ן קאַמפף געגען דיא קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג?

אום צו ענטפערען אויף דיעזער פראַגע, מוזען מיר פריהער ערקלערען כאָטש אין אַלגעמיינע שטריכען דיא טהעאָריע פון דיא אַנטימאָראַליסטען. זייט דיא פילאָזאָפיע עקזיסטירט, איז זי שטענדיג געווען פערנומען מיט דער פראַגע וועגען מאָראַל: אויב זיא איז אַבסאָלוט אין מענשליכען כאַראַקטער אָדער אַ פּראָדוקט פון דער מענשליכער קולטור. ביז דער לעצטער צייט איז די פראַגע געווען אַ פילאָזאָפיש־מעטאַפיזיש, יעצט האָט זיא אויך אָנגענומען אַ סאָציאַלען כאַראַקטער. עס קען זיין, אַז אין דעם איז שולדיג דער צושטאַנד פון דער יעצטיגער געזעלשאַפט, וואָס רופט ארויס ביי פיעלע דענקענדע מענשען אַ פאָדערונג צו ענטשיידען דיא סאָציאַלע פראַגע.

דער דייטשער פילאָזאָף פריעדריך ניטשע זעהט דאָס שלעכטע פון דער יעצטיגער געזעלשאַפט אין דער עקזיסטירענדער מאָראַל, פון וועלכע ער וויל פּטור ווערען, כדי פּטור צו ווערען פון דאָס שלעכטע וואָס זיא ברייגנט מיט זיך. פיר אונז איז ניט וויכטיג וואָס ניטשע איז ניט איינשטימיג מיט דעם סאָציאַליזמוס, פאָרלויפיג איז וויכטיג צו רייידען וועגען דיא ארגומענטען, מיט וועלכע מען לייקענט אָב דיא אַבסאָלוטע מאָראַל.

ווען אונזער וועלט־אַנשויאונג וואָלט געווען אַזאַ, וויא עס שרייבען דיא אַלטע תורות, דאַן וואָלטען מיר ניט גענדאַרפט צווייפלען אין דער אַבסאָלוטער מאָראַל, דען נאָך זייער שילדערונג האָט גאָט בעשאַפען דעם מענשען פון אָנפאַנג אָן העכער פון אַלע איבעריגע בעשעפעניששען; אַז אין יעדען פון אונז לעבט אַ טהייל פון דער גאָטהייט — אַ נשמה; אַז מיר זיינען

ניט מעהר וויא געוויסע טהיילכלאך פון א געוויסע ג א נ צ ע, וועלכע איז אבסאלוט אין אלעס, דארום אויך אין מאראל. דאן פערשטייט זיך גרינג, אז מאראל האט בעדארפט עקזיסטירען פיר אונז אבסאלוט און האט בעדארפט זיין דער מיטעלפונקט, דער צענטער פון אונזער לעבען. נאר אזוי וויא אונזער מיינונג וועגען דיא וועלטבעשאפונג איז יעצט אן אנדערע, און עס איז זעלטען צו טרעפען צווישען דיינקענדע מענשען אזעלכע וואס זאלען ניט איינשטימען מיט דארווינ'ס לעהרע וועגען דיא אבשטאמונג פון מענשען — דיא לעהרע וועלכע צייגט אז דער מענש איז ניט מעהר וויא א ווייטערע העכערע ענטוויקלונג פון ניעדעריגע חיות, אז אונזערע עלטער זיידעס דארפען מיר זוכען צווישען געוויסע מנים אפפען, א. ז. וו. — ביי אזא מיינונג איז שוין ניט אזוי לייכט צו בעשטימען, אז מאראל איז אבסאלוט, דען דאן וואלטען מיר בעדארפט צולאזען ביי דיא קלענסטע בעשעפענישען וויא ווערים, אפילו ביי אינפוזאריען, מאראלישע איינגעשאפטען.

אויסער דיא נאטור וויסענשאפטליכע ארגומענטען געגען אבסאלוטע מאראל ליפערט נאך דיא געשיכטע פון דער מענשליכער־קולטור אנדערע ארגומענטען. ניט קוקענדיג וואס יעצט האבען מיר אזוי פיעל מאראלישע פרינציפען און געזעצען, דאך איז דער ערשטער פאקטאר אין מענשליכען לעבען געוועזען דער עגאאיזם. דיא קולטור־געשיכטע בעווייזט, אז מענשענפרעסעריי האט אויפגעהערט ניט צוליעב מאראלישע בעגריפע, נאר צוליעב עגאאיסטישע אינטערעסען, ווייל אין יענע צייטען איז מענשען אויסגעקומען צו לעבען אין אזוינע געזעלשאפטליכע בעדינגונגען, ביי וועלכע דיא ארבייט פון געפאנגענע האט אנגעהויבען צו ווערען ניטצליכער אלס זיי צו טויטען און אויפצופרעסען מיט א מאל. ווען דיא ארבייט פון קריעגסגעפאנגענע איז געווארען אלץ ניטצליכער פיר יענער געזעלשאפט, האט דארום ביסלאכווייז, אהן מאראלישע אינסטינקטען, מענשענפרעסעריי ניט נאר אויפגעהערט, נאר איז אויך פערוועהרט געווארען געזעצליך. מיט דיעזען גאנג, ערקלערט דיא קולטור־געשיכטע, זיינען אויך געשאפען געווארען אלע הויפטגעזעצען און פרינציפען פון מאראל.

ארויסגייענדיג פון דעם שטאנדפונקט, אז מאראל איז א פראדוקט פון דער מענשליכער קולטור, אז אלע אונזערע מאראלישע פרינציפען זיינען אויסגעארבייט געווארען פון מענשען זעלבסט אונטער געוויסע סאציאל־פאליטישע אומשטענדען, אז מענשען אונטערשיידען זיך ניט אין זייער אפשטאמונג פון אלע איבעריגע בעשעפענישען, פערשטייט זיך, אז דערמיט נעהמט מען צו פון דער מאראל דיא אבסאלוטעט און דאס הייסט אויך איהר אויטאריטעט. דען ווי באלד מאראל איז ניט אבסאלוט, מוז זיא זיין סוביעקטיוו, דאס הייסט אבהענגיגג פון אונזערע נייגונגען, מיינונגען, אומשטענדען א. ז. וו. דאן קען זיא שוין ניט זיין דער מאסשטאב פון אלגעמיינעם יושר און אמת; זיא קען זיין דער מאסשטאב פון יושר און אמת אין א גרופע מענשען, א קלאס אדער רעליגיאן, אבער ניט פון דער גאנצער מענשהייט, פון אלע קלאסען און אלע רעליגיאנען.

מיט וואס, פרעגט זיך, קענען מיר מעסטען דיא ווירדיגקייט פון איין מאראל און דיא אונווירדיגקייט פון א צווייטער? סאציאליסטען קענען זאגען און זאגען טאקע אז עקספלואטאציאן איז געגען מאראל, אבער אין אמת'ן איז עס נאר געגען דיא מאראל, פון פראלעטאריאט, אבער ניט פון דער בורזשואזיע; און ווער קען אונז זאגען בעשטימט, וועמעס מאראל איז בעסער, צו דיא וועלכע לאזט צו עקספלואטאציאן צו פערקערט, וועלכע וויל גלייכהייט? א טהייל פון דער בורזשואזיע פערטהיידיגט דיא מאראל פון עקספלואטאציאן אויף דעם גרונד דאס אין דער גאנצער נאטור און דארום אויך ביי מענשען עקזיסטירט דער ק א מ פ ף א ו ם ד א ז י י ן, אין וועלכען דיא שטארקערע און קליגערע זיינען גובר דיא שוואכע און נארישע. זיי טענה'ען, אז נאר צוליעב דעם ווייל זיי האבען דיא מ ע ג ל י כ ק י י ט צו עקספלואטירען, איז דיא עקספלואטאציאן זעלבסט רעכט. גלייכהייט איז שלעכט, זאגען זיי, ווייל זיא איז אוננאטירליך; דען דיא נאטור זעלבסט בעשאפט שטארקערע, שוואכערע, פעהיגערע, פוילערע א. ז. וו. א. ז. וו.

ווען מיר זאלען ניט נאר צווייפלען אין דער א ב ס א ל ו ט ע ר מאראל, נאר אויך איהר אבלייקענען אין גאנצען, דאך מוזען מיר זאגען, אז אויב אפילו זיא קען שוין ניט האבען איהר אויטאריטעט פיר איינציגע סקעפטיקער, נאר אין אלגעמיינעם מענשליכען לעבען שפיעלט זיא ווי פריהער א גרויסע ראלע און דיא מענשליכע טהעטיגקייטען וואלט אהן מאראלישע שטרעבונגען פערלארען זייער צוציהונגס־קראפט.

פיר מענשען מיט אַ געוויסע קולטור־ענטוויקלונג, מיט אַ געוויסע פאַנטאַזיע איז שווער צו בעפריעדיגען זיך מיט דיא מאַטעריאַליסטישע פאַקטען, וועלכע דער לעבען גיט איהם. אַזאַ מענש האָט אויך גייסטיגע און מאָראַלישע בעדירפניסען, און כדי צו בעפריעדיגען זיי שוועבט ער אין אידעאַלע וועלטען, וועלכע זיינען פון איהם זעלבסט בעשאַפען געוואָרען.

דער אַללוועלטליכער געזעץ וועגען *קאַמפּף אום דאַזיין* קריעגט אַ צווייטען, אַ בּרייטערען זינען בּיי קולטור מענשען. אין דיעזען קאַמפּף הויבען אָן אַנטהייל צו נעהמען פיעל מעהר פאַקטאָרען פון וועלכע דער לעבען פון חיות ווייס גאָר ניט. נאָך אויף דער ערשטער שטופע פון דער מענשליכער קולטור האט שוין דער אַלוועלטליכער געזעץ וועגען *קאַמפּף אום דאַזיין* געביטען זיין טהירישע פאָרמע. ווען בּיי אַלע בעשעפענישען עקזיסטירט ער אין דער פאָרמע, אַז ווער עס איז קערפּערליך שטאַרקער אָדער ווער עס קען זיך גיכער צופּאַסען צו דיא נאַטירליכע בעדינגונגען, דער איז גובר אין קאַמפּף, האָבען אין דער מענשליכער געזעלשאַפט אַנגעפאַנגען צו ווירקען נייע פאַקטאָרען: אויף דעם אָרט פון רויהע *קערפּערליכע* קראַפט, וועלכע שפּיעלט בּיי אַלע טהיערען דיא הויפּט ראָלע, האט בּיי מענשען אַנגעפאַנגען צו שפּיעלען דיא הויפּט ראָלע דער *שכל*. אַ מענש האט שוין דאַן געקענט מלחמה האַלטען מיט שטאַרקערע בעשעפעניסען פאַר איהם און זיי בּייקומען נאָר צוליעב דעם, ווייל זיין שכל האָט איהם אויסגעלערנט צו בעשאַפען געצייג, מיט וועלכע זיך צו פערטהיידיגען אָדער צו בעפאַלען דעם שונא. קורץ, אין דעם קאַמפּף פיר עקזיסטענץ בעשטעהט ניט דיא קראַפט פון קולטור־מענשען אין אַ פיזישער אָדער קערפּערליכער פאָרמע, וויא אין ווילדען צושטאַנד, נאָר און אַ צווייטער פאָרמע, וועלכע מען מוז אָנרופען *אינטעללעקטועללע*.

מיט דער ענטוויקלונג פון געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציאָן, פון דער קולטור־אַרבּייט, האָט דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר אָנגעפאַנגען צו שפּיעלען זיין גרויסע ראָלע אין מענשליכען קאַמפּף אום דאַזיין. אויף אונזער היינטיגער שטופע פון ענטוויקלונג שפּיעלען שוין דיא *נאַטירליכע* קרעפטען אַן אונבעדייטענדע ראָלע אין דיעזען קאַמפּף. דער קאַמפּף ווערט געפיהרט אויף אַ קולטור וועג מיט פּראָדוקציאָנען, דאָס פאָלק אָדער געזעלשאַפט איז גובר און ענטוויקעלט זיך בעסער, וועמעס פּראָדוקציאָנס־בעשעפטיגונג איז שטאַרקער.

אין רעליגיעזען קאַמפּף האָט דער נאַטירליכער געזעץ געביטען נאָך מעהר זיין פאָרמע. ווען אַ געוויסעס פאָלק האָט געהאַט אַזאַ רעליגיאָן, וועלכע איז געוועזען צוגעפּאַסט מעהר צו דער בעטרעפענדער צייט וויא אַ צווייטע רעליגיאָן, האָט זיא אויך אָנגעפאַנגען צו ווירקען בעסער אין מענשליכען קאַמפּף פיר זיין עקזיסטענץ, דאַן האָט שוין גובר געוועזען ניט דער אינדיווידיום וועלכער איז שטאַרקער געוועזען קערפּערליך, נאָר דער וועלכער האָט געהערט צו דעם פאָלק, וועמעס קולטורעלע ענטוויקלונג איז געוועזען שטאַרקער און וועמעס רעליגיאָן האָט געהאַט מעהר איינפלוס אויף דער געזעלשאַפט.

עס פערשטעהט זיך, אַז דער קולטור־גאַנג איז ניט פאָרגעקומען אַזוי גלאַט אין רעגעלמעסיג וויא מען פערצייכענט איהם אויף פּאַפּיער. עס איז שווער צו בעשטימען, אין וועלכער צייט דער אָדער יענער פאַקטאָר האָט אויפגעהערט צו שפּיעלען זיין הויפּטראָלע. דען אויך יעצט, ניט קוקענדיג אויף אונזער הויכער קולטור־ענטוויקלונג, טרעפט עס אַז נאָר מיט קערפּערליכע קראַפט איז מען גובר אין קאַמפּף פיר עקזיסטענץ. מיר קענען ניט מעהר וויא בעשטימען, אַז בּיי אַ געוויסע קולטור־ענטוויקלונג, אין געוויסע געשיכטליכע עפּאָכען האָט דער *קאַמפּף אום דאַזיין* געביטען זיין טהירישע פאָרמע, אַז אין איהם האָבען אָנגעפאַנגען אַנטהייל צו נעהמען אַנדערע פאַקטאָרען, *עקאָנאָמישע, רעליגיעזע, פּאָליטישע* א. ז. וו.

ווען מען רעדט וועגען דיא קאַמפּף־פאָרמען פון דער יעצטיגער געזעלשאַפט, דאַרף מען ניט פערגעסען, אַז אין יעדער געזעלשאַפט, וועלכע איז בעגרינדעט אויף דעם פּרינציפּ פון פּריוואַט־אייגענטהום, היינגט אָפּ דער לעבען פון יעדען מיטגליעד פון צוויי אומשטענדען: ערשטענס, פון דעם קאַמפּף פון פאָלק אָדער גרופּע פיר זייער עקזיסטענץ, און צווייטענס, פון זיינע אייגענע פעהיגקייטען אין דעם אינערליכען קאַמפּף וואָס איהם קומט אויס צו פיהרען מיט אַנדערע מיטגליעדער. ווען דיא געזעלשאַפט איז קאָמוניסטיש, פערשטייט זיך, אַז דאַן עקזיסטירט ניט דיא צווייטע פאָרמע פון קאַמפּף; דיא אינטערעסען פון דער גרופּע און יעדענ'ס פּערזענליכע אינטערעסען שיידען זיך ניט פונאַנדער וויא פיינדליכע. אַנדערש איז עס ווען דיא געזעלשאַפט איז

ניט קאמוניסטיש, דאן קומט יעדען אינדיווידיום אויס צו פיהרען דעם הויפט־קאמפף דירעקט אין זיין גרופע, און וועלכער ער רעכענט זיך א מיט־גליעד, הגם אינדירעקט קען זיין, אז זיין עקזיס־טענץ העננט אב ניט וויניגער פון דיא אלגעמיי־נע קרעפטען פון דער גאנצער גרופע.

אן ענגלענדער אדער דייטש וועט גובר זיין א כינעזער אדער אינדיאנער אין קאמפף פיר זייער עקזיסטענץ, הגם אין דעם פאלק קומט אויס דיא ערשטע ניט וויניגער צו קעמפפען וויא דיא צווייטע. דאס איז צוליעב דעם, ווייל ענגלאנד און דייטשלאנד זיינען שטארקער אין דער יעצטיגער קאפיטאליסטישער ארדנונג צו קעמפפען פיר זייער נאציאנאלע עקסיסטענץ וויא כינעזער. וועהרענד די פראדוקציאן און טעריטאריע פון ענגלאנד וערן פיעל פערגרעסערט, וואס עס איז איינע פון די הויפט אורזאכען גובר צו זיין אין פראדוקציאנס קאמפף, אין דערזעלבער צייט ווערט דיא פראדוקציאן פון דיא כינעזער לאנג־זאם ענטוויקעלט און אויך זייער טעריטאריע ווערט בערכאפט פון אייראפייער. וועהרענד פיר ענגלענדער מיט זייערע סחורות ווערען וואס וויי־טער געעפענט נייע לענדער און שטעדט, ווערען אין דער זעלבער צייט פערשלאסען פיר כינעזער דיא טויערען פון דיא פעראייניגטע שטאאטען אין אמעריקא. אז דאס האט א גרוי־סען איינדרוק ניט נאר אויף דעם גאנצען פאלק, נאר אויך אויף יעדען איינציגען מיטליעד פון דיא אויבען דערמאנטע פעלקער, איז זעלבסט־פערשטענדליך.

זייט עס עקזיסטירט דיא ארדנונג וועלכע איז בעגרינדעט אויף פריוואט אייגענטהום, איז אין איהר שטענדיג פארגעקומען א קאמפף צווי־שען קלאסען. נאר קיין מאל אין דער גאנצער מענשליכער געשיכטע האט דער קלאסען־קאמפף ניט געטראגען אזא שארפען כאראקטער אין דיא געזעלשאפטליכע בעציהונגען, וויא דער קאמפף וועלכער קומט פאר אין דער קאפיטאליסטישער ארדנונג צווישען פראלעטאריאט און בורזשו־אזיע.

י. פעדער.

(שלום פאלגט).

---

# דיא נאציאנאלע פראגראמע פון „בונד“

דער „אלגעמיינער אידי־שער ארבייטער בונד פון ליטא, פוילען און רוסלאנד“ איז א גאנץ נייע ערשיינונג אין די אידישע וועלט. אין דער קורצער צייט פון זיין עקזיסטענץ האט ער אבער אויפגעטהון זא־כען, וועלכע ערשטוינען דיא, וואס האבען אפילו מיט א יאהר צעהן צוריק פערלאזען דאס צא־רען־לאנד. מיט אפענע מיילער לעזען מיר דיא בעריכטען פון דעם „בונד'ס“ טהעטיגקייט און מיט בעוואונדערונג פרעגען מיר: איז דאס אלעס אמת? זיינען דיעזע אלע טהאטען מעגליך אין פינסטערן רוסלאנד? איז אזא אפפערווילינקייט, און אזא העלדענמוטה מעגליך ביי דיא אונטער־דריקטע, פערהאסטע, בעשימפפטע און מוטה־לאזע אידען אין רוסלאנד? מיר גלויבען ניט אונזערע אויגען און מיר לעזען נאך א מאל, און מיר פרעגען נאך אמאל, און וואס מעהר מיר פרעגען, אלץ מעהר וואכסט אונזער בעוואונדע־רונג, אלץ שטארקער ווערט אונזער בעגייסטע־רונג, אלץ האסטיגער קלאפט אונזער הארץ, אלץ מעהר וואלט זיך וועלען דארט זיין און מיט דיא אייגענע אויגען אנזעהן דעם נייען אידישען דור, דיא נייע אידען.

אבער ניט וועגען דיא העלדישע טהעטיג־קייט פון „בונד“ וויל איך דא רעדען, זאנדערן וועגען זיין זאגענאנטע „נאציאנאלע פראגראם“. אין דער לעצטער צייט זיינען דיא טהעארעטי־קער און פיהרערס פון "בונד" ארויס מיט א טהעאריע, וועלכע האט אנגעמאכט א רושם ניט נור צווישען דיא סאציאליסטען, נור אויך צווישען אידען. וויא שווער עס קומט מיר ניט צו קריטיקירען דיעזע גלענצענדע ארגאני־זאציאן טהו איך עס דאך. דיא גלענצענדע טהעטיגקייט און גרויסארטיגע ערפאלגע פון דעם „בונד“ מוזען אנערקענט און פראקלאמירט ווער־רען; אבער דאס דארף נאטירליך ניט אבהאלטען א פריינד פון עהרליכע און ערנסטע קריטיק.

דיא פראגע, וועגען וועלכע עס האנדעלט זיך, איז א ביסעל א פערפלאנטערטע און כדי דער לעזער זאל האבען א גענויען בעגריף וועגען

דעם, וועל איך מוזען וואַרפען אַ קורצען בליק אין דער געשיכטע.

* * *

אין דער סאָציאַליסטישער וועלט אין רוסלאַנד איז פאָרגעקומען אַ זעהר ערנסטער פאַל. אויף דעם צווייטען קאָנגרעס פון דיא רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אויף דעם קאָנגרעס, וועלכער האָט געזאָלט פעראייניגען אַלע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין איין פּאַרטיי, איז ארויסגעקומען אַ שפּאַלטונג. דיא דעלעגאַטען פון „בונד" האָבען זיך צוריקגעצויגען פון קאָנגרעס און האָבען דאַמיט ערקלערט דעם „בונד'ס" ארויסטריט פון דער אַלגעמיינער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי.

דער שטרייט איז פאָרגעקומען, האַכט זיך, איבער גאָר אַ קלייניגקייט; איבער דיא פאָרמע פון אָרגאַניזאַציאָן. „אָטאָנאָמיע אָדער פעדע־ראַציע" — איז דיא פראַגע.

דיא פאָרשטעהר פון דער פּאַרטיי, אָדער בעסער, פון דער צייטונג „איסקרא", ווילען, אז דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען פון גאַנץ רוסלאַנד, (ד. ה. פון אַלע נאַציאָנאַליטעטען אין דער רוסישער אימפּעריע) זאָלען זיין אָרגאַניזירט אין איין אַלגעמיינע פּאַרטיי; נור פאַר פּראָפּאָגאַנדע צוועקען זאָל דיא פּאַרטיי ווערען איינגעטהיילט אין פערשיעדענע „ראַיאָנען" אָדער קרייזען. יעדער ראַיאָן זאָל בעטרייבען דיא אַגיטאַציע אויף זיין אייגענעם שטייגער, ד. ה. זאָל האָבען אוטאָנאָמיע, זעלבסט־הערשאַפט. אַלע ראַיאָנען צוזאמען אבער זאָלען זיין פערבונדען און זאָלען פערוואַלטעט ווערען פון איין צענטראַל קאָמיטעט. דער „בונד" אָבער פערלאַנגט, דיא פּאַרטיי זאָל זיין אָרגאַניזירט נאָך נ א צ י אָ נ אַ ל י ט ע ט ע ן, ד. ה. אין רוסלאַנד זאָל זיין אזוי פיעל סאָציאַליסטישע פּאַרטייען וויא פיעל פערשיעדענע נאַציאָנאַליטעטען עס לעבען אין רוסלאַנד, און יעדע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציאָן זאָל בלייבען פאָלשטענדיג פריי און ניט זיין בעשרענקט אין אַ געוויסען ראַיאָן; נור דיא פערשיעדענע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציאָנען זאָלען זיין צווישען זיך פערבונדען דורך אַ פעדעראַציאָן.

דאָס איז נור אין קורצען דער שטרייט־פּונקט. פערשיעדענע ארגומענטען ווערען אָנגעגעבען פון ביידע זייטען, און, מען קען ניט זאָגען, דער „בונד" פערטהיידיגט זיין שטאַנדפּונקט זעהר געשיקט. ווען דיא רוסישע אימפּעריע, פרעגט דער „בונד", זאָל ווערען פערטהיילט אין ראַיאָנען, טאָ וואו וועט זיין דעם „בונד'ס" ראַיאָן?

דיא פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי טענה'ט נאָר, אז דיא פּוילישע ארבייטער בעוועגונג בעריהרט שטאַרק דיא אידישע מאַססע און דער „בונד" האָט ניט וואָס צו טאָן אין פּוילען... דער ראַיאָן פון „בונד" איז, אלזאָ, לאָמיר זאָגען, ליטאָ... אָבער מאָרגען וועלען קומען דיא ליטווער און וועלען זאגען: ליטאָ — דאס איז אונזער ראַיאָן, און דער „בונד" דאַרף שטעהן אונטער אונזער השגחה. און ווען דער „בונד" וואָלט זיך ביז יענער צייט גענוג דורכגעדרונגען מיט דער „ראַיאָנער" פהילאָזאָפיע, וואָלט איהם אַנדערש ניט אויסגעקומען, וויא אַוועקצושיקען זיין „אָרגאַניזאַציאָנס־זעלבסטשטענדיגקייט" לעזאזל, ווייל קיין ספּעציעלער אידישער ראַיאָן איז דאָך ניטאָ — אידען וואָהנען איבעראַל. אָבער אונטער דעם פּלאַן פון אַ פעדעראַציאָן ווערט דער „בונד" אַנערקענט אַלס דער איינציגער פערטרעטער פון דעם אידישען פּראָלע־טאַריאַט. דאַן האָט ער אַ גרויסען פעלד פאַר זיך, דאַן איז פּוילען, ליטאָ, זיד רוסלאַנד, מיט איין וואָרט: יעדע אָרטשאַפט וואו אידען געפינען זיך, זיין ראַיאָן.

דאס איז ניט דער איינציגער ארגומענט פון דעם „בונד", אָבער יעדענפאַלס דער שטאַרקסטער און וויכטיגסטער.

אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע געפינען מיר אַ מערקווירדיגען ביישפּיעל צו דיעזען פאַל: דער בירגער־קריעג וועגען דיא בעפרייאונג פון דיא נעגערס האָט זיך אנגעפאַנגען און איז געוואָרען אויסגעקעמפּפט גראַדע אויף אַזאַ אופן. דאַן האָט זיך דיא פראַגע אויך געדרייט ארום דעם פּונקט: „אוטאָנאָמיע אָדער פעדעראַציע." דיא „נאָרטה" (נאָרד־שטאַאטען) האָט בעהויפּטעט, אז דיא פעראייניגטע שטאַאטען זיינען און מוזען בלייבען איין לאַנד, אז יעדער שטאַאט קען נור האָבען אוטאָנאָמיע אין זיינע אינערליכע אַנגעלעגענהייטען ער מוז אָבער בלייבען אַ טהייל פון דער גאַנצער נאַציאָן און מוז זיך אונטער־וואַרפען איהרע געזעצע, וועהרענד דיא „סאַוטה" (זיד־שטאַאטען) האָט פערלאַנגט, וואס מען האָט דאַן גערופען „סטייט סאָווערעניטי," ד"ה יעדער שטאַאט זאָל זיין פאָלשטענדיג בעל הבית איבער זיך זעלבסט, און דיא פערשיעדענע שטאַאטען זאָלען זיין פערבונדען צווישען זיך דורך אַ פעדעראַציע.

דיא „סאַוטה" האָט זיך טאַקע אָבגעטהיילט פון דער „נאָרטה" און האָט געגרינדעט אַ פעדע־ראַטיווע רעפּובליק, אבער מען דאַרף ניט זיין פיעל בעקאַנט מיט דער געשיכטע פון דיא פער־אייניגטע שטאַאטען, אום צו וויסען, אז אונטער דעם שטרייט וועגען אַ בעשטימטע רעגירונגס־פאָרמע איז געלעגען דיא וויכטיגע ע ק אָ נ אָ־מ י ש ע פראַגע וועגען דיא בעפרייאונג פון דיא שוואַרצע שקלאַווען.

איך מיין נאטירליך ניט צו פערגלייכען דעם „בונד“ מיט דער „סאוטה“, אבער ווען מען בעטראכט נעהענטער דעם שטרייט־פונקט צווישען דעם „בונד“ און דיא „איסקרא“, זעהט מען אויך, אז אין דער ווירקליכקייט האנדעלט עס זיך וועגען א פיעל וויכטיגערן פונקט ווי וועגען דיא ארגאניזאציאנס־פארמע פון א רעוואלוציאנערען צענטראל־קאמיטע אין רוסלאנד.

לאמיר בעטראכטען, וואס פאר א פונקט דאס איז.

אייגענטליך וואס געהט עס דעם „בונד“ אזוי אין לעבען, וויא אזוי דיא פארטיי וועט זיין ארגאניזירט? וועט ער דען ניט קענען אגיטירען, ווען דיא פאליאקען אדער דיא ליטווער וועלען טענה'ן, אז דער „ראיאן“ בעלאנגט צו זיי? אין דיא פרייע לענדער, אפילו אין אזא לאנד וויא אמעריקא, נויטיגען זיך דיא סאציאליסטישע פארטייען אין אלע קרעפטען, וואס זיי קענען נור קריגען, בפרט נאך אין רוסלאנד. עס איז איינפאך אונמעגליך זיך פארצושטעלען, אז דיא רוסישע רעוואלוציאנערע פארטיי וויל זיך בעגעהן אהן דעם „בונד'ס“ הילפע. נאר ווארום איז דאך די שפאלטונג? דער גרונד ליגט א סך טיפער, און דער „בונד“ זאגט עס אליין אויך. דיא אמת'ע פראגע איז ניט: וויא זאל דיא רעוואלוציאנערע פ א ר ט י י זיין ארגאניזירט, נור וויא זאל ג א נ ץ ר ו ס ל א נ ד זיין ארגאניזירט. וויא דער „בונד“ זאל ניט שרייען, אז ניט דאס מיינט ער יעצט, אז דיעזעס איז ביי איהם א שפעטערע פראגע, קען מען פארט דיא טהאטזאכע ניט אוועקלייקענען.

דער „בונד“ געהט ארויס פון דעם שטאנדפונקט, דאס אידען זיינען א ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ג ע נ א צ י א ן, און ער טענה'ט דארום אזוי: אלע סאציאליסטען זיינען איינשטימיג, אז יעדע נאציאן האט דאס רעכט צו פערוואלטען איהרע אייגענע געשעפטען, אידען זיינען א נאציאן גלייך מיט אלע אנדערע נאציאנען, האבען דיא אידען אלזא דאס זעלבע רעכט וויא אלע אנדערע, און דיא סאציאליסטען דארפען זיין דיא ערשטע דאס אנצוערקענען און נאך דיעזען צו האנדלען. דיא ארגאניזאציאן פון דער רעוואלוציאנערע פארטיי דארף דארום זיין דער וועגווייזער, וויא אזוי דיא פעלקער אין רוסלאנד זאלען צוזאמען לעבען. עס איז אמת, זאגט דער „בונד“, דאס איז נאך דערווייל נור אין טהעאריע, עס וועט נאך לאנג דויערן ביז רוסלאנד וועט קומען צו דיעזע שטופע, אבער צום סאציאליזמוס, ערקלערט דער „בונד“, איז אויך נאך וועיט מיר ווערען פון דעסטוועגען ניט אויס סאציאליסטען. מיר דארפען זיך דארום אויך ניט איבערשרעקען פון פאדערען נאציאנאלע רעכטע פאר אידען.

און דיא פיהרערס פון „בונד“ בעווייזען, אז אין עסטרייך, וואו דיא נאציאנאליטעטען־פראגע איז אימער אויף דיא טאגעס־ארדנונג, וואו עס געהט אן א בעשטענדיגער קאמפף צווישען דיא פערשיעדענע נאציאנאליטעטען, איז דיא סאציאליסטישע פארטיי ארגאניזירט גראדע אויף א פעדעראטיווען פונדאמענט. נאך מעהר: דער „בונד“ בעהויפטעט, אז אידען קענען קריגען רעכטע און ספעציעל נאציאנאלע רעכטע נור דאן, ווען זיי וועלען זיין ארגאניזירט און קעמפפען אלס א זעלבסט שטענדיגע פארטיי.

דאס איז אין קורצען איבער וואס דער שטרייט קומט אין אמת'ן פאר, און דאס איז וואס מען רופט: דיא נאציאנאלע פראגראמע פון דעם „בונד“.

דער „בונד“ איז זעהר שטארק איף דיזע פראגראמע. ער בעהויפטעט זאגאר, אז ער האט געפונען דיא ריכטיגע לעזונג פון דער „אידען פראגע.“ דעם ציון'איזמוס בעקעמפפט דער „בונד,“ און זעהר ריכטיג, אלס א רעאקציאנערע און שעדליכע בעוועגונג; ער לאכט אבער אויך פון דיא זאגענאנטע אסימילאטארען. דיא אסימילאטארס, זאגט דער „בונד“, שלאגען אייגענטליך פאר, אז אידען זאלען ווערען אויס אידען. דאס וועט נור העלפען דיא וואס וועלען ווערען אויס אידען, דיא יודען־פראגע אבער וועט דורך דעם ניט פערשווינדען. דיא איינציגע און אמת'ע הילפע איז אלזא, דאס אידען זאלען בלייבען אידען און זאלען אויך קעמפפען אויף דעם סאציאליסטישען באדען, נאטירליך, פאר זייערע נאציאנאלע רעכטע. און ווען דער גרויסער טאג וועט קומען, דאן וועלען אידען בעקומען זייער פערדיענטען חלק.

דיא אנדערע זייט, דיא פארשטעהר פון „איסקרא,“ שטימען אייגענטליך איין מיט דעם „בונד“ וועגען דיא נאציאנאליטעט־פראגע. זיי בעהויפטען אבער, אז דיעזע גאנצע טהעאריע פאסט זיך ניט פאר אידען, ווייל אידען זיינען קיין נאציאן. ווילענדיג, ניט ווילענדיג, דרעהט זיך אלזא דער פונקט איבער דיא פראגע:

צו זיינען אידען א נאציאן, צו ניט?

ווען עס איז אמת, וויא דער „בונד“ בעהויפטעט, אז אידען זיינען א נאציאן, דאן האבען זיי פאלשטענדיג רעכט צו פערלאנגען נאציאנאלע רעכטע, אויב אבער ניט, אויב אידען זיינען ניט קיין נאציאן, קענען זיי קיין נאציאנאלע רעכטע ניט פערלאנגען.

איידער מען קען ענטפערען אויף דיעזע פראגע, מוז מען אבער פריהער פעסטשטעלען: וואס הייסט א נאציאן?

צו פערענטפערען דיעזע פראגע איז זעהער אַ שווערע זאַך. וויא דר. פאָרנבערג האָט עס ערקלערט אין אַ רייהע ארטיקלען אין דער „צוקונפט“, בעשעפטיגען זיך מיט דיעזער פראגע עטליכע וויסענשאַפטען — היינט גערה הייב זיך אָן מיט אַזוי פיעל וויסענשאפטען. נאָר וויא פיעל מען טאָלקעוועט ניט, און וויא פיעל ציטאַטען מען ברענגט ניט פון גרויסע אויטאָריטעטען, קען מען אלין ניט קלאָר ווערען, וואָס איז אין אמת'ן אַ נאַציאָן, און צו זיינען אידען אַ נאַציאָן. איך וועל זיך דאַרום גאָר ניט לאָזען אויף דיזען גליטשיגען און פערפּלאָנטער־טען וועג. איך וויל דיעזע פראַגע בעטראַכטען פון אַ גאַנץ נייעם שטאַנדפּונקט. און ווען איך וועל פארטיג ווערען, וועט דער לעזער, האָף איך, איינזעהען, אַז דיזע פּראַגע האָט אַ וויכטיגקייט פאר אונז דאָ אין אַמעריקאַ אויך.

* * *

יכענדיג צו בעווייזען דעם "בונד'ס" בע־הויפּטונג, אַז אידען זיינען נור דאַן זיכער צו בעקומען רעכטע, ווען זיי וועלען זיין אָרגאַני־זירט און קעמפּפען אלס אידען, האָט אַן אפּיציע־לער פּערטרעטער פון דעם "בונד", גענאָסע בערג, אויף אַ פערזאַמלונג אין ניו יאָרק אויסגעדריקט דעם געדאַנק, דאס אַזוי גוט וויא דיא ארבייטער קענען נור האָפּען אויף זיך אליין פאר זייער בע־פרייאונג, אַזוי קענען אידען נור בעפרייט ווערען דורך זיך אליין, אין קורצען: „דיא בעפרייאונג פון דיא אידען איז דיא זאַכע דער אידען זעלבּסט.“ דער געדאַנק איז גאַנץ פיין און נעט אויסגעדריקט, איבערגעמאַכט פון בעריהמטען זאַץ אין קאָמוניסטישען מאַניפעסט: „דיא בע־פרייאונג דער ארבּייטער איז דיא זאכע דער ארבּייטער זעלבּסט“.

ווען איך האָב דיעזעס געהערט, האָב איך זיך געשטעלט דיא פּראַגע: וואָרום געהט ניט דער „בונד“ איין טריט ווייטער, וואָרום מאַכט ער ניט דעם לאָגישען שלוס, וואָרום זאגט ער ניט: „אידען־אַלער לענדער פעראייניגט איך!?“ און נאָך ווייטער: וואָרום רופט ער ניט צוזאַ־מען „אינטערנאַציאָנאַל־נאַציאָנאַלע“ קאָנגרע־סען פון אידיישע סאָציאַליסטען?

דאס וואָלט געהייסען קאָנזעקווענט, דאס וואָלט אָבער מיט איין קלאַפּ בעוויזען דיא אונ־לאָגיק פון דער גאַנצער פּראָגראַמע.

צו וואָס דאַרף מען שטרייטען איבער דיא סימנים פון אַ נאַציאָן, און צו האָבען אידען דיעזע סמנים? צו וואָס דאַרף מען שטרייטען, צו איז זשאַרגאָן אַ שפּראַך צו ניט? זאָל זיין אַז דער „בונד“ האָט רעכט, זאָל זיין אַז אידען זיינען אַ נאַציאָן מיט אַלע פּישטשעווקעס, און איך פערזענליך צווייפעל אין דעם ניט, אדרבּה איך גלויב אין דעם, איך פרעג אָבער: וואָרום שטרייט איהר נור וועגען דיא אידען אין פּוילען, ליטאָ און רוסלאַנד? און וואָס איז מכוח דיא אידען אין רומעניען, אונגארן, גאַליציען, דייטש־לאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך? יאַ, וואָס איז עפּעס מכּוח אונז אָרימע אידען דאָ אין אַמערי־קאַ? וואָרום רעכענט איהר דיעזע אַלע אידען ניט אריין? בעלאַנגען זיי דען ניט צו דערזעלבער אידישער נאַציאָן?

און דאס איז ניט קיין פּוסטע פּראַגע, זיא מוז פערענטפערט ווערען:

דיא אידען אונטער דער רוסישער רעגירונג לעבען אין פערשיעדענע געגענדען, צווישען פער־שיעדענע פעלקער מיט פערשיעדענע שפּראַכען, רעליגיאָנען און מנהגים. דער „בונד“ רעכענט זיך מיט דיעזען ניט. ער זאגט, אַז אידען אלס נאַציאָן זיינען ניט אַבהענגיג פון צייט און פּלאַץ, זיי זיינען איין נאַציאָן, אַ נאַציאָנאַלע איינהייט — היינט פאַר וואס זשע עפּעס נור דיא אידען וואָס לעבען אין פּוילען, ליטאָ, פינלאַנד, קאַוור־קאַז א. ז. וו., וואָרום ניט דיא איבּריגע אידען?

איהר וועט ענטפערען, אַז אַלע אידען אונ־טער דער רוסישער רעגירונג ווערען גלייך אונ־טערדריקט. דאס איז אמת. רוסלאַנד איז אָבער ניט דאָס איינציגע לאַנד, וואו אידען ווערען אונטערדריקט. רומעניען האָט זיך אויך גאָר ניט וואָס צו שעהמען, אפילו דאָס געבענשטע דייטשלאַנד לאָזט נאָך איבער וואָס צו ווינשען— וואָרום זשע געהט דער „בונד“ ניט ווייטער אין זיין טהעטיגקייט? עס האַנדעלט זיך דאָך אויס־דריקליך איבער דער אַנערקענונג פון דיא אידען אַלס אַ נאַציאָנאַלע איינהייט — וואָרום זאָל דיעזע פאָדערונג ניט געשטעלט ווערען אין אַלע לענדער וואו אידען געפינען זיך נאָר?

דער „בונד“ זאגט, אַז דיעזער פּונקט איז בּיי איהם אַ שפּעטערע פאָדערונג, דערווייל פערלאַנגט ער נור גלייכע רעכטע פאר אידען. דאָ קומט ווידער ארויס, אַז דער „בונד“ האַלט נור דיא אידען פון פּוילען, ליטאָ און רוסלאַנד פאַר איין „נאַציאָן.“ וואָס איז צום בּיישפּיעל, מכוח אַמעריקאַ?

אויב אידען זיינען אַ נאַציאָן, דאַן זיינען דיא אַמעריקאנער אידען געוויס א טהייל פון דיעזער נאַציאָן. און קיין לאַנד, וואו אידען געפינען זיך, איז דיא אידישע שפּראַך, דיא אידישע ליטעראַטור, דיא אידישע „פּסיכאָלאָ־גיע,“ דאָס גהעטאָ־צוזאַמענלעבען ניט אַזוי שטאַרק ענטוויקעלט וויא אין אַמעריקאַ. אין אַמעריקאַ האָבען אידען שוין דערלעבּט גלייכע רעכטע, און גראַדע אָהן אַ זעלבּסט־שטענדיגע אידיש־נאַציאָנאַלע־קאַמפּף־פּאַרטיי. דאָ קען מען שוין אַלזאָ י ע צ ט ארויסשטעלען דיא פאָ־

דערונג פון נאַציאָנאַלע רעכטע פאַר אידען. ווארום שווייגט דער „בונד“?

זיינען אידען אַ נאַציאָן, אָדער זיינען זיי קיין נאַציאָן? ווען זיי זיינען קיין נאַציאָן, פאַלט דיא פּראָגראַמע פון „בונד“ ממילא אַוועק, זיינען זיי אָבער יאַ אַ נאַציאָן, ווארום לאָזט מען אונז ארויס פון דעם כלל?

דאָס איז דיא לאָגישע קאָנזעקווענץ פון אַ נאַציאָנאַלע פּראָגראַמע. ווען איהר גערט אָבער אזוי ווייט, דאַן מוזט איהר זיך פאַרברייטען צו אַ בירגער־קריעג...

טאָמער פערשטעהט איהר נאָך ניט קלאָר צו וואס מיר וואָלטען דערקראָכען, ווען מיר זאָלען זאגען, אַז אידען אַלס נאַציאָן האָבען אַ רעכט צו פאָדערען נאַציאָנאַלע רעכטע פאַר זיך, וועלען מיר נעהמען אלס ביישפּיעל דיא דייטשען:

קיינער צווייפעלט ניט, אַז דייטשען זיינען אַ נאַציאָן, אלע וויסענשאַפטען זיינען אין דעם איינשטימיג. אין אַמעריקא לעבען שעהנע עטליכע מיליאָן דייטשען, ווארום זאָלען זיי דאָ ניט קענען שטעלען דיזעלבע פאָדערונג, גראַדע וויא דיא אידען אין רוסלאַנד? אָבער עס איז גענוג צו שטעלען דיעזע פראַגע צו בעווייזען דיא אבסורדיטעט פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער פּראָגראַמע. דער הייסעסטער בונדיסט וועט זיך דערפון אויסלאכען, און מיט רעכט.

ווען אַ דייטש קומט אין אַמעריקא, קען ער קריעגען רעכטע אויף איינעם פון דיא צוויי וועגען: אָדער ער בלייבט אַ דייטש, און דאַן קען ער קריעגען אזוי פיעל רעכטע וויא פיעל יעדער פרעמדער אין אַ ציוויליזירטע לאַנד, אָדער ער ווערט אַ בירגער; נאָר דאַן מוז ער שוין ווערען אוים דייטש, ער מוז ווערען אַ'ן אַמעריקאַנער. עס מאַכט גאָר ניט אויס צו דיא דייטשען לעבען איין יאָהר צו הונדערט, צו טויזענד יאָהר אין לאַנד, וויא באַלד זיי בלייבען דייטשען, קענען זיי ניט זיין עטוואָס אַנדערס וויא פרעמדע, און אזוי שנעל וויא זיי ווילען ווערען אוים פרעמדע, מוזען זיי ווערען אוים דייטשען.

אידען זיינען נאַטירליכער ווייזע אין דער זעלבער לאַגע אין יעדען לאַנד. קוים וואָהנען זיי אַלס אידען, קענען זיי נור קריעגען רעכטע אַלס פרעמדע, ווילען זיי אויפהערען צו זיין פרעמדע, מוזען זיי אויפהערען צו זיין אידען, זיי מוזען זיך אסימילירען, דאס הייסט נאַטירליך ניט, אַז אידען מוזען זיך שמד'ן, דאָס מיינט ניט, אַז זיי מוזען אויפהערען צו געהן אין שול אריין, אַז זיי מוזען אויפהערען צו ריידען אידיש א. ז. וו. אַמעריקאַ גיט אויף דיעזען אויף דעם ריכטיגען ענטפער. ווען מען שטעלט זיך נור איינמאל אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז „רעליגיאָן איז פּריוואַט זאַכע“, וויא דיא סאָציאַליסטען אין דער גאַנצער וועלט האַלטען עס, האַן פאַלט דיא גאַנצע חקירה איבער אַסימיליציאָן אַוועק. דיא דייטשען אין אַמעריקאַ, ווען זיי ווערען אוים דייטשען, ווערען זיי ניט אויס פּראָטעסטאַנטען אָדער אוים קאַטאָליקען, און דיא אידען אין אַמעריקאַ ווערען גאָר ניט אוים אידען. פאַרקעהרט, אידישקייט אין אַמעריקאַ איז פיעל שטאַרקער וויא אין רוסלאַנד, ווייל עס איז פיעל פרייער, און דאָך זיינען דיא אַמעריקאַנער אידען אַמעריקאַנער לכל הדעות.

דער איד וואס האָט ערקלערט, אַז אין פּוילען זיינען אידען פּוילישע אידען, אין דייטשלאַנד — דייטשע אידען א. ז. וו. איז קיין קלענערער וויא משה מענדעלסאָן, און אַ צווייטער „איד“ וואס האָט דאס בעשטעטיגט, איז קיין גרינגערער וויא קאַרל מאַרקס. דאָס האָט פון דעסטוועגען ניט געשטערט קאַרל מאַרקסעס טאָכטער עלעאַנאָרע צו ערקלערען עפענטליך, אַז זי א איז שטאָלץ וואס זיא קומט ארויס פון אידען. מען קען אַלזאָ זיין אַ פּאָליאַק און אַ איד, אַ דייטש און אַ איד, אַ'ן אַמעריקאַנער און אַ איד.

לאָמיר געהן ווייטער:

אַלס אַ גוטע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָן, בעקעמפט דער „בונד“ דעם ציון'איזמוס. מען מוז אָבער צו געבען, אַז דיא ציון'איסטען זיינען אין דיעזען ספּעציעלען פּונקט פיעל לאָגישער וויא דער „בונד“. דער „בונד“ האַלט, אַז אידען זיינען אַ נאַציאָן, נאָר ווען ער פאָדערט נאַציאָנאַלע רעכטע פאַר אידען, מיינט ער אין אמת'ן נור אַ טהייל פון דיא אידען, דיא אידען וואס וואָהנען אין פּוילען, ליטאָ און רוסלאַנד — פאַר דיא איבריגע אידען, פאַר כל ישראל האָט דער „בונד“ קיין תרופה, יענע מוזען זיך אליין אויסקעמפּפען זייערע נאַציאָנאַלע רעכטע. פון איין זייט האַלט ער אַלזאָ, אַז אידען זיינען אַ נאַציאָן און פון דער צווייטער זייט צוטהיילט ער זיי אויף פערשיעדענע נאַציאָנאַליטעטען. דיא ציון'איסטען געהן אויך אויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז אידען זיינען אַ נאַציאָן, נאָר זיי געהען ווייטער און זאגען, אַז אַלס נאַציאָן, זיינען זיי ניט אַבהייניגיג פון צייט און אָרט. צו זיי זיינען אין רוסלאַנד, צו אין פּוילען, צו אין פראַנקרייך, צו אין אַמעריקא — איבעראַל זיינען זיי אידען איבעראַל זיינען זיי פרעמדע, און אַלס אידען קענען זיי ניט זיין עטוואס אַנדערס וויא פרעמדע און זיי קומען צו דעם לאָגישען שלוס: ווען מען וויל לעזען דיא „יודען־פראַגע,“ מוז מען זעהן צו פעראייניגען אלע אידען פון דער גאַנצער וועלט אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלען קענען בלייבען אידען און ניט קיין פרעמדע.

אויסגעהענדיג אַלזאָ פון דעם נאַציאָנאַלען

שטאנדפונקט, מוז מען געצוואונגענער ווייזע ארומנעהמען אלע אידען דער „בונד“ טהוט דאך ניט און וויל דאס ניט טהון. ער לאכט פון די ציון'איסטען וואס זיי זאגען, אז אידען זיינען פרעמדע. ער שטיצט זיך גראדע וואס אידען אין רוסלאנד, למשל, זיינען ניט קיין פרעמדע. מיר קומען דורך דעם צו אזא ווידערשפרעך: אידען אין רוסלאנד זיינען אייגענע, אידען אין אמעריקא זיינען אייגענע, אידען אין דייטשלאנד, אין פראנקרייך, מיט איין ווארט, איבעראל וואו זיי וואהנען, זיינען זיי אייגענע, דאך דיעזע פערשיעדענע אייגענע זיינען צו דער זעלבער צייט איין נאציאן, א גאנצע איינהייט!

און דיעזע אלע „אייגענע“ דארפען אין יעדען לאנד אויסקעמפפען זעלבסטשטענדיגע נאציאנאלע רעכטע!

ווען די ציון'איסטען האלטען, אז אידען זיינען איין נאציאן, האבען זיי צו דערזעלבער צייט א נאציאנאלען באנד, זיי האלטען זיך אן די אידישע רעליגיאן און די אידישע טראדיציאנען. אונטער דיזע פאהן שטרעבען זיי צו פעראייניגען אלע אידען פון דער גאנצער וועלט. דער „בונד“ פערווארפט די רעליגיאן און האלט ניט פון די אידישע טראדיציאנען — וואס בלייבט איהם פאר זיין נאציאנאלע איינהייט? וועלכע ספעציעלע פאדערונג קען ער שטעלען די אידען אלס נאציאן? איך מיין די אידען פון דער גאנצער וועלט. וואס האבען אידען געמיינשאפטליכעס אויסער א שול, א מקוה, א חזן, א שוחט און א מסדר קידושין? גיט אידען בירגער־רעכטע, און וואס בלייבט פון די נאציאנאלע פאדערונג? די שפראך, די ליטעראטור? ווער שטערט אבער די אידען צו בענוצען זייער שפראך און צו ענטוויקלען זייער ליטעראטור אפילו היינט און אפילו אין רוסלאנד, וואו זיי האבען גאר קיין רעכטע? ווער שטערט די אידען אין ניו־יארק צו האבען 6 טעגליכע צייטונגען און 4 אידישע טהעאטערע מיט קאפעשאנטאנען, טינגעל־טאנגעלס, מיט שולען מיט בשר כשר און מיט אללע זיעבען זאכען? ווער שטערט זיי דא צו האבען א אידיישע שטעטעל וויא וואודביין מיט א אידישען סיטי־מאיאר (גאלאווא), מיט אידישע שטאט־בעאמטע, מיט אידישע פאליציי? ווער שטערט זיי צו וועהלען אידישע פערטרעטער אין קאנגרעס? אדרבא, די פאליטישענס פערשפרעכען נאך די אידען אלע גליקען, זיי שטעלען ארוים ספעציעלע אידישע פערטרעטער, זיי פערשפרעכען זאגאר זיך אנצונעמען פאר די אידען אין רוסלאנד, אבי אידען זאלען נור שטימען פאר זיי. מיט וואס ווערט דא אלזא געשטערט דער אידישער „נאציאנאל“־כאראקטער, אדער די אידישע „פסיכאלאגיע?“ און וואס קענען זיי נאך מעהר פערלאנגען אלס אידען? וועלכע טראדיציאנען, וועלכע ספעציעלע קולטור, אויסער די תלמודישע „קולטור“? וועלכע ספעציעלע נאציאנאלע אינטערעסען האבען זיי אנצוהאלטען?

אט דערויף מוז דער „בונד“ ענטפערען. און דאס האט גאר ניט צו טאן מיט די פראגע: צו זיינען אידען א נאציאן, אדרבה, וויא געזאגט, דיעזע פראגען מוזען פערענטפערט ווערען, גראדע ווען מען גיט צו, אז אידען זיינען א נאציאן.

די אנווייזונג פון „בונד“ אויף די סאציאליסטישע פראגראממע אין עסטרייך האט קיין ווערטה ניט. די אומשטענדען זיינען ניט די זעלבע, וויא ביי אידען אין רוסלאנד. דארט זיינען בעשטימטע נאציאנאליטעטען אויף זייער טעריטאריע און דיעזע פעלקער קעמפפען סייוויא־סיי פאר זייער זעלבסט־שטענדיגקייט. צו זיי האבען רעכט צו ניט, איז דא גאר ניט די פראגע. דער קאמפף מעג זיין בעגרינדעט אויף פאראורטהיילע, אויף פאליטישע אידעאלען; דער פאקט איז אבער, אז דיעזע פאראורטהיילע עקזיסטירען און די סאציאליסטען האבען איינפאך אויסגעקליבען דאס קלענערע איבעל. ביי אידען מוזען אבער אזעלכע נאציאנאלע פאראורטהיילע ערשט קינסטליך ארויסגערופען ווערען, אום נאכהער צו קענען שטעלען ספעציעלע נאציאנאלע פאדערונגען, אויסער רעליגיעזע. די אידען האבען יעדענפאלס קיין בעשטימטע טעריטאריע, אפילו אין דער ליטא זיינען זיי א מאיאריטעט נור אין איניגע שטעדט. זיי זיינען „א פאלק צווישען פעלקער,“ פערשפרייט און צוזייט אויף דער גאנצער וועלט.

* * *

פון דעם אלעם קען מען שליסען, אז ריזער גאנצער שטרייט איז ניט ווערטה די פערשווענדונג פון ענערגיע און טהעטיגקייט. וואס אידען פעהלט אין רוסלאנד איז רעכטע, גלייכע בירגער רעכטע, ווייטער גאר ניט.

אבער, טענהט דער „בונד“, אידען קענען נור קריגען רעכטע, ווען זיי וועלען האבען א בעזונדערע מאכט; וויא לאנג אידען זיינען ניט ארגאניזירט, וועלען אפילו די רעכטע, וואס זיי וועלען בעקומען זיין אויפ'ן פאפיער.

זעהט איהר, דאס שמעקט שוין גאר מיט עטוואס אנדערס. דאס שמעקט שוין ניט מיט אנטיסעמיטיזמוס, דאס שמעקט שוין מיט אנטי־גוי'איזמוס, ד. ה. אזוי פיעל, אז דער „בונד“ האט ניט קיין צוטרויען צו די רעוואלוציאנערע בעוועגונג אין רוסלאנד, אז אפילו נאך די סאציאלע רעוואלוציאן וועלען די אידען ניט קריגען קיין רעכטע, ווען זיי ווע־

לען ניט קעמפפען פאר זיך. דער „בונד" זאגט דאס ניט ארויס, ער שטיקט זיך דערמיט, דאס רייסט זיך אבער ארויס פון יעדע שורה זיינע.

און ווען דאס איז אזוי, מעג ער איבערהויפט איינפאקען זיין געצייג, ווייל עס איז פאלש צו זאגען: „דיא בעפרייאונג דער אידען איז דיא זאכע דער אידען זעלבסט". דיא גרויסע וואהרהייט, אז „דיא בעפרייאונג דער ארבייטער איז דיא זאכע דער ארבייטער" ווערט דא איינפאך מיסבראוכט. דיא ארבייטער קענען טאקע זיך אליין בעפרייען, ווייל אין זיי ליגט מאכט און קראפט, דיא אידען אליין אבער קענען זיך ניט בעפרייען, ווייל אליין זיינען זיי שוואך און מאכטלאז.

דיא אידען, זאגט אויך דער „בונד", וועלען נור דאן קריגען רעכטע, ווען זיי וועלען האבען א'ן אייגענע קאמפף־פארטיי; טאמער וועלען זיי ניט האבען אזא פארטיי, וועלען זייערע רעכטע בלייבען אויפ'ן פאפיער. וואס מיינט דאס? דאס מיינט, אז נאך דעם וויא דיא ארבייטער וועלען אויסקעמפפען וועלכע עס איז רעכטע וועלען דיא אידען ערשט אויפ'ס ניי מוזען אנהייבען צו קעמפפען מיט דיא קריסטען פון אנדערע נאציאנאליטעטען. אבער זיינען דאס דיא אידען ווירקליך אזוי מעכטיג דאס אלעס אליין אויסצוקעמפפען? איך ערלויב זיך צו צווייפלען.

אט האט איהר דעם „בונד'ס נאציאנאלע פראגראמע" געפיהרט צו איהר לאגישער קאנסעקווענץ.

פון וועלכע זייטע איהר זאלט אלזא ניט נעמען דיעזע פראגע, וועט איהר אלץ זיך אנשטויסען אויף ווידערשפרעכע; פון וועלכע זייטע איהר זאלט דאס ניט בעטראכטען, וועט איהר אלין זעהן וויא אונלאגיש, וויא אונהאלטבאר, מען קען זאגען, וויא אבסורד דער גאנצער פונקט איז. ניט נאציאנאלע רעכטע פעהלט אידען, נור מענשען־רעכטע.

ווען זיי פאדערען נאציאנאלע רעכטע, מוזען זיי זיך פארברייטען אויף א קאמפף מיט אלע נאציאנען פון דער גאנצער וועלט, אין אלע לענדער, אין אלע שטעדט אין אלע גאסען פון דער גאנצער וועלט. מענשען רעכטע קענען זיי קריגען, ווען זיי וועלען **צוזאמען** מיט אנדערע נאציאנען קעמפפען פאר דיא רעכטע פון אלע מענשען, און דאן און נור דאן, ווען זיי קעמפפען צוזאמען מיט אלע, זיינען אידען א מאכט.

**יעקב מילך.**

# א בליק אין דיא צוקונפט

ריידענדיג אין פאריגען ארטיקעל וועגען דעם, אז דער מענש איז א פראדוקט פון דער אומגעבונג, פון דער צייט, אין וועלכע ער לעבט, האב איך אנגעוויזען, אז ווען דיא געזעלשאפטליכע אומשטענדען ענדערען זיך, ווערען אויך געענדערט דיא אנזיכטען, מאראל און אידעען, פון מענשען.

אזא ענדערונג געהט אן פאר אונזערע אויגען. נעהמט, צום בייספיעל, דיא בויערן, וועלכע ווערען אלץ מעהר און מעהר אפגעריסען פון זייער לאנד און ווערען געטריעבען אין שטאדט. וואו זיי ווערען פאבריק־פראלעטאריער. איך דיינק עס איז איבעריג צו בעווייזען, וויא זיי ענדערען זיך אונטער דיא נייע בעדינגונגען פון לעבען, איבערהויפט, ווען א מענש געהט איבער פון איין געזעלשאפטליכען קרייז, פון איין קלאס צו אן אנדערן, ווען זיין לעבענסוויייזע ווערט געביטען בייט זיך נ י ט ו ו י ל ע נ ד י ג אויך זיין כאראקטער.

נון, וויא באלד די פראדוקציאנס־מיטלען, וועלכע וועלען זיך זיכער ענטוויקלען און ענדערען אין דער צוקונפט — דאס גיבען אויך צו דיא געגנערפון סאציאליזמוס — וועלען שאפען נייע לעבענסבעדינגונגען פיר דיא געזעלשאפט, דורך וואס עס ווערט פעראורזאכט דיא ענדערונג פון כאראקטער, טא וואס בלייבט דען פון דער

בעהויפּטונג, אַז דעם מענשען'ס כאַראַקטער ענדערט זיך נ י ט? וואָס בלייבט פון דיא בעהויפּטונגען, אַז אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט הערשען שקלאַוועריי, בעהויפּטונגען, ווייל אין דיא אַמאָליגע רעליגיעזע־קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, האָבען דיא מיטגליעדער ניט געהאַט אינדיווידועלע פרייהייט, וויא מיר פערשטעהען עס יעצט?

אונזערע געגנער טענה'ען אַלץ, אַז דער מענש בלייבט מענש, דאָס הייסט זיין כאַראַקטער ענדערט זיך ניט, און דערפון שליעסען זיי, איז צו ערוואַרטען, אַז אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט הערשען אַ פיעל גרעסערער דעספּאָטיזמוס וויא איצט. זיי פערגעסען אָדער מאַכען זיך פערגעסענדיג, אַז א י צ ט האָבען זיי צו טהאָן מיט מענשען, וועלכע זיינען אַ פּראָדוקט פון דער ה י י נ ט י ג ע ר קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג מיט איהרע אַנזיכטען איבער פערזענליכע פרייהייט און מאָראַל, מיט איהרע בעציהונגען פון מענש צו מענש, ווען יעדערער בעטראַכטעט דעם אַנדערען אַלס שונא און יעדענפאַלס אַלס קאָנקורענט, אַלס איינעם, וואָס וואַרט נאָר אויף אַ געלעגענהייט ארויסצורייסען דעם לעצטען ביסען ברויט פון מויל ביי זיין „חבר,“ ווען אין דער געזעלשאַפט הערשט ניט אמת'ע אחדות, ווען דיא מאָראַל איז: „יעדער פאַר זיך, און דער טייוועל מעג נעהמען דיא אַנדערע“... וויא קענט איהר איבערהויפּט ערוואַרטען אין אונאַבהענגיגען, שטאָלצען, פרייהייטליעבענדען כאַראַקטער, אַז פון קינדהייט אָן ווערט אין אונז איינגעוואָרצעלט אַ מענשענפרעסער עגאָאיזמוס; אין דער היים, אין דער שולע, אין דער קירכע, אין דער פאַבריק פלאַנצט מען איין אין אונז אַבשייליכע אונטערטהעניגקייט צו דיא רייכע און מעכטיגע, מען לערנט אונז צו זיין געהאָרכזאַם, צו פערטראָגען געדולדיג צרות און ליידען, מען פרעדיגט אונז, אַז פון אייביג אָן האָבען געהערשט רייכע און אָרימע, הערשער און בעהערשטע.

ביי אַזאַ פערקריפּלונג פון קינדהייט אָן איז אַ וואונדער, אַז מען לאָזט זיך טרעטען מיט דיא שמוציגע פיס, מען לאָזט זיך פיהרען פאַר'ן נאָז? נאָך מעהר: שטעלט זיך פאָר: מען קומט ניט צו דיא גליקליכע, צו דיא וועלכע לעבען אין ווילטאָג, און לוקסוס און פאָלגליך זיינען אויך פריי און מען זאָגט זיי: „היט זיך פיר דעם סאָציאַליזמוס, דען זיין הערשאַפט איז גלייכבעדייטענד מיט דעם בערויבען פון אייער פרייהייט.“

ניין, מען וואַרענט דיא אַרבייטער, דיא אונגליקליכסטע פון אַללע לעבעדיגע נפשות, וועלכע זיינען הערגעשטעלט נאָך פיעל ערגער וויא דיא הויזטהירען, זיי וועלכע... נאָר לאָמיר בעסער רעדען וועגען זייער לאַגע, א מאַן וועלכען קיינער וועט אודאי ניט חושד זיין, אַז ער איבערטרייבט, לאָמיר הערען דעם וועלטבעריהמטען נאַטור־פאָרשער האָקסלי.

„איך האָב געהאַט דיא געלעגענהייט צו זעהען אַלערהאַנד ווילדע ברואים און אויף אַלע שטופען פון פערדאָרבענהייט, האָט פּראָפעסאָר האָקסלי געזאָגט אויף א פערזאַמלונג; איך האָב אָבער קיין מאָל און נירגענדס ניט געזעהען מעהר נידערשלאָגענע, מעהר האָפנונגסלאָזע, מעהר עלענדע און פעראונגליקטע וויא אין איסט־ענד פון לאָנדאָן. דען אַבוואָהל דער ווילדער, נאָכדעם וויא עס געלינגט איהם זיך אָנצועסען, מוז ווידער הונגערען, און כאָטש זיין גאַנצען לעבען איז ער קיין מאָל ניט זיכער מיט דעם מאָרגענדיגען טאָג, בעזיצט ער דאָך ווייניגסטענס זיין „איך“, פיהרט אַ זעלבסטשטענדיגען לעבען. ער איז ווייניגסטענס ניט קיין מאַשין, פון וועלכע עס ווערט ארויסגעפּרעסט אַזוי פיעל קראַפט, וויפיעל דיא שלעכטע נאַהרונג גיט איהם. און איך זאָג אייך דעם אמת, ווען מיר וואָלט אויסגעקומען צו וועהלען דעם לעבען פון א ווילדען אָדער פון איין אַרבייטער אין איסט־ענד, וואָלט איך געוויס בעסער וועהלען דעם לעבען פון אַ ווילדען.“*) נאָר דיא ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרען מיט יאָהרען צוריק, מען קען מיינען, אַז אונטערדעסען האָט זיך דיא לאַגע פון דיא אַרבייטער פערבעסערט. איך וועל דאַרום בריינגען אַ פאַל, וועלכער האָט פּאַסירט מיט עטליכע מאָנאַט צוריק און וועלכער אילוסטרירט אַם בעסטען דיא ה י י נ ט י ג ע צושטענדע. דער לאָנדאָנער „באָארד אָף העלטה“ (געזונדהייטס ביוראָ) האָט בעשלאָסען אויסצוגעפינען, וויעפיעל מענשען זיינען אַזוי אָרעם, אַז זיי בעזיצען אפילו ניט אַ פאָר פּעניס צו בעצאָהלען פיר נאַכטלעגער און זיינען געצוואונגען דיא גאַנצע נאַכט זיך ארומצושלעפען איבער דיא גאַסען אָדער שלאָפען אונטער דיא טרעפּ, ביי דיא טויערען א. ז. וו. מען האָט ארויסגעשיקט 20 אינספּעקטאָרס אין א י י ן דיסטריקט און זיי האָבען צווישען 1 און 5 אוהר מאָרגענס אויסגעפונען,

*) שיפּפעל „דאָס מאָדערנע עלענד“ זייטע 78־79.

אַז 1563 מענער, 184 פרויען, 46 אינגלעך און 4 מיידלעך האָבען ניט געהאַט מיט וואָס צו בעצאָהלען פיר נאַכטלעגער און האָבען זיך ארומגעטריעבען אין דיא גאַסען אין דער קאַלטער ווינטער נאַכט. נאָך דעם צאָהל האָט די באָארד אָף העלט, אויסגערעכענט, אַז אויף יעדע 2 טויזענד פערזאָן, קומט איינער וואָס פערמאָגט ניט אפילו עטליכע פּעניס. מיינט ניט, אַז דאָס איז בלויז לאָנדאָן, איהר קענט זיכער זיין, אז פּאַריז, בערלין, פּעטערבורג און אפילו אונזער רייכער ניו־יאָרק וועט צושטעלען פּראָפּאָרצ אָנעל אַזוינע נגידים. ניט אמת, ליעבער לעזער, אז אָט דיא לעבעדיגע נפשות דארפען זיין געגען סאָציאַליזמוס, ווייל זיי קענען פערלירען זייער פרייהייט?....

אָבער ניט אַלע ארבייטער געפינען זיך דאָך. וועט מען אונז זאָגען, אין אַזאַ שרעקליכען צושטאַנד; עס זיינען דאָך פערהאַנדען אזעלכע ארבייטער, וועלכע ניט נאָר וואָס זיי ליעבען גאַנץ גוט, זאָנדערן זיי האבען נאָך אבגעשפּאָרטע געלד, אָנגענומען דאָס איז ווירקליך אַזוי—וואָס איז דערפון געדרונגען? קען מען דען בעהויפּטען, אז אפילו דער בעסט־הערגעשטעלטער ארבייטער איז אַ פרייער מענש אונטער דיא הערשאַפט פון קאַפּיטאַל? נאָר לאָמיר אַקאָרשט בעטראַכטען, וואָס עס הייסט: זיין פריי.

אלס אַ צושטאַנד פון אמת'ע פרייהייט קען מען נאָר בעטראַכטען אזעלכען, וואו יעדער מענש קען א ו נ ג ע ש ט ע ר ט ענטוויקלען זיינע גייסטיגע און פיזישע קרעפטע, וואו ער קען האָבען דיא מעגליכקייט צו דערגרייכען דעם צייעל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אין לעבען, זאָ ווייט דאָס איז ניט א שטערנדער אדער שעדליך פיר זיינע מיטמענשען. עקזיסטירט דען אזא פרייהייט פאר דיא גרויסע מאַיאָריטעט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט? ניין, טויזענד מאָל ניין! וויא קען מען דען איבערהויפּט רעכנען פאַר פריי אַ מענשען, וועמעס גאַנצע עקזיסטענץ הענגט אָפּ פון דעם ווילען פון איין אַנדערן, וועלכער מוז פערקויפען זיין ארבייטס־קראַפט, אום צו דערהאַלטען דיא נשמה אין גוף? ער ליעגט אין דיא הענד פון דעם יעניגען, וועלכער ווערט אַנערקענט, נאָך דיא קאַפּיטאַליסטישע געזעצע, פאַר דעם אייגענטהימער פון דיא פּראָדוקציאָנסמיטעל. ער איז, קורץ גערעדט, א לוינשקלאַוו.

דיא פּאָליטישע פרייהייט, וועלכע דער ארבייטער קלאַס האָט זיך ערוואָרבען צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע, ענדערען ניט זיין אונטערטעניגע לאַגע אין דיא פאַבריקען. זיי פערבעסערען ניט אויף אַ האָר זיין עקאָנאָמישע לאַגע. דיעזע פרייהייטען האָבען נאַטירליך אַן אונגעהייער גרויסען ווערטה פאר דעם פּראָלעטאַריער—און קיינער שעצט ניט אַזוי הויך דיא פרייהייט וויא מיר סאָציאַליסטען—זיא, דיא פרייהייט, איז ביי אונז בלויז אַ מיטעל צום ציעל אָבער ניט אַלס ציעל־גופא. זיא איז דיא ערשטע בעדינגונג צו ערווערבען ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ג ל י י כ ה י י ט, זיא איז דיא ערשטע בעדינגונג, אונטער וועלכע מיר קענען אַרבייטען און פערשפּרייטען אונזערע אידעען; זיא איז אויך דיא ערשטע בעדינגונג, וועלכע מאַכט מעגליך דיא ארבייטער זיך צו אָרגאַניזירען און צו האָבען אַ געוועהר געגען זייערע אונטערדריקער און אויסבייטער. דאָך אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט קען מען שליעסליך גאַנץ ווייניג פערבעסערן דיא מאַטעריעלע לאַגע פון ארבייטער, וויא גרויס דיא פּאָליטישע פרייהייט זאָל ניט זיין. בלויז דער ווער עס איז געזיכערט מיט זיין עקזיסטענץ, איז אונאַבהענגיג און פריי, און דעריעניגער וועער עס איז פריי לאָזט זיך ניט טיראַניזירען, לאָזט זיך ניט אונטערדריקען.

* * *

נאָר לאָמיר דערווייל לאָזען אָן אַ זייט דיא קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט מיט איהרע „גליקען“ און לאָמיר בעטראַכטען, וויא דיא מענשען וועלען זיין „פערשקלאַווט“ אין דער צוקינפטיגער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

דיא איינציגע פרייהייט, וועלכע וועט אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט צוגענומען ווערען ביי דעם ארבייטער, וועט זיין דיא פרייהייט צו ארבייטען, וואו, ווען און וויא ער וויל. וועהרענד איצט קען ער בייטען איין קויפער פון זיינע מוסקעלען אויף איין אַנדערען, וועט ער עס אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט ניט קענען טאָהן אויס דעם איינפאַכען גרונד, דאָס עס וועט נאָר בלייבען איין ארבייטסגעבער — נעמליך: דיא געזעלשאַפט, פון וועלכע ער אליין וועט זיין אַ מיטגליעד און אויך אַ שותף. ער וועט אויך ניט קענען ארבייטען, ווען און וויא ער וועט וועלען, נאָר ער וועט זיך מוזען „אונטעריאָכען“ אַ געוויסע דיסציפּלין.

אָט דיא „אונטעריאָכונג,“ טענה'ן דיא קאַפּיטאַליסטען, איז ניט ווערט דיא נוצען, וועלכע דיא ארבייטער קענען דאַביי געווינען.

דיעזע בעהויפּטונג איז אבסאָלוט פאַלש; נאָר

ווען זיא זאָל זיין אמת, פרעגט זיך: וואָס האָט דער אַרבייטער דערביי צו פערלירען? עס איז אמת, אז היינט קען דער ארבייטער אומבייטען איין ארבייטסגעבער אויף אַן אַנדערען, אָבער צו איינעם פון זיי מוז ער דאָך אָנקומען. אויסער דעם ווייסען מיר, אַז דורך די ענטוויקלונג פון טראָסטס ווערן אבגעשאַפט דיא קליינע אונטערנעהמונגען, און גאַנצע אינדוסטריען ווערן קאָנצענטרירט אין עטליכע הענד, זאָ דאָס דער ארבייטער האָט דאָ אויך קיין אויסוואהל ניט, ער האט אייגענטליך איין באָס, ווייטער, דער גרויסבעטריעב, וואו יעדער איינצעלנער ארבייטער איז בלויז אַ שרייפעלע אין אַ גרויסער קאָמפּליצירטער מאַשין, פאָדערט, אז יעדערער מוז ארבייטען אזוי פיעל, און אין אזאַ צייט וויא דיא פּראָדוקציאָן פאָדערט עס. אין דער פאַבריק ווערט יעדער ארבייטער אַ טהייל פון אַ לעבעדיגער מאַשין אין דיעזער הינזיכט איז ער אויף אַ האָר ניט בעסער געשטעלט, וויא ער וועט זיין אפילו אין אַ „טיראַנישער“ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

ווען מען זאָל אַ געוויסע דיסציפּלין ביי דער אַרבייט בעטראַכטען אַלס אַ שקלאַווערייַ, דאַן גיט עס איבערהויפּט קיינע פרייהייט פיר מענשען. צום בייישפּיעל דער דאָקטאָר, וועלכער האָט גאָר לוסט צו געהען צו איין אָפּערא, אָדער זיך צו אמוזירען אין דער היים, מוז געהען היילען קראַנקע; דער פּראָפעסאָר איז געצוואונגען צו האַלטען צו אַ בעשטימטע צייט זיינע פאָרטרעגע, דער זשורנאַליסט מוז צושטעלען צו אַ געוויסע צייט זיינע ארטיקלען, א. ז. וו. אַ אַבסאָלוטע פרייהייט עקזיסטירט איבערהויפּט ניט, ווען מיר זאָלען זיך אפילו פאָרשטעלען אַ מענשען, וועלכער לעבט גאַנץ אליין, אָבגעזונדערט פון דער געזעלשאַפט, איין ארט ראָבינזאָן קרוזע. זיין פרייהייט איז געוויסערמאַסען בעשרענקט פון דיא נאַטור גופא. היינט ווער רעדט שוין, ווען מיר זיינען אַ גליעד פון א געזעלשאַפט, האַן מוז אונבעדינגטערווייזע אונזער פרייהייט זיין מעהר אָדער ווייניגער בעשרענקט. איך מיין, ווען דיא וואַהל זאָל פאָרשטעהען: צו דיא זאָ־גענאַנטע פרייהייט פון דער ארבייט אין דיא קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, אָדער דיא „אונטעריאָכונג“ אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וועט קיין פערנינפטיגער מענש זיך אויף א מינוט ניט פערטראַכטען, וועלכע צו וועהלען. אונטער דיא קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט, ווען דער ארבייטער איז שוין אזוי גליקליך, אז ער קריעגט פיר וועמען זיך צו פערקויפען, מוז ער אימער ציטערען, אז אָט־אָט וועט ער אַרויסגעוואָרפען אויפ׳ן גאַס און בלייבט אָהן ברויט. ער מוז ערטראַגען ערנידערונגען פון זיינע ארבייטגעבער און זייערע אויפפּאַסערס אָדער טרייב־קנעכט. ער מוז ארבייטען אונטער דיא ערגסטע היגיעניישע בעדינגונגען; ער מוז ארבייטען איבער זיינע כוחות; און פיר דאָס אלעס קריעגט ער נאָר אזוי פיעל, אז ער מיט זיין פאַמיליע זאָלען ניט אויסשטאַרבען פון הונגער. דאָס לעבען הייבט זיך ביי איהם אָן, ווען ער איז פאַרטיג מיט דער ארבייט אזוי אָבער וויא א מאַסע ארבייטער זיינען געצוואונגען צו ארבייטען 12, 14 און אפילו 16 שעה אין טאָג, בלייבט זיי טאַקי ניט איבעריג קיין צייט צו לעבען. „ניט דיא פרייהייט פון דער ארבייט, נאָר דיא בעפרייאונג פון דער ארבייט וועט פריי מאַכען דיא מענשען“, בעמערקט דאָרום גאַנץ ריכטיג קאַוטסקי אין זיין „ערפורטער פּראָגראַם.“ עס איז נאַטירליך איבעריג צו ריידען, וועגען גייסטיגע פערגעניגען, צו וועלכע דער ארבייטער איז אונטער היינטיגע אומשטענדען ניט פאַרבערייטעט און האָט קיינע מיטעל עס צו געניסען.

גאַנץ אַנדערש וועט דיא זאַך זיין אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָס רעכט פון יעדען ניט נאָר צו לעבען, נאָר צו געניסען פון לעבען וועט פאַקטיש געזיכערט זיין. דיא געזעלשאַפט וועט פערפליכטעט זיין צו זאָרגען פיר דיא עקזיסטענץ פון אַלע איהרע מיטגליעדער, דער שרעק צו בלייבען אָהן ארבייט, דאָס הייסט אָהן ברויט, פאַלט נאַטירליך אַוועק; צוזאַמען מיט דעם פאַלט אויך אַוועק דיא ערניעדערונג, מיט וועלכע עס איז אָפט פערבונדען צו קריעגען אַ שטעלע. אין אַ פאַבריק, אין וועלכער יעדער איז ניט נאָר איין ארבייטער, נאָר צו גלייכער צייט אויך אַ חבר, אַ שותף, וואו יעדער וועט אַנטהייל נעהמען אין אויסאַרבייטען דיא רעגעלען פון דער ארבייט, וואו עס וועט פּראָדוצירט ווערען ניט קיין וואַרע, אום וואָס מעהר פּראָפיט ארויסצושלאָגען, נאָר געברויכסמיטעל — אין אזאַ פאַבריק וועט מען אודאי זאָרגען, אז אַלע היגיענישע פאָדערונגען זאָלען ערפילט זיין, ד. ה. עס זאָל זיין ליכטיג, ריין, גוט ווענטילירט געראַומיג. דיא אַרבייטסצייט וועט אויף אזוי פיל פערקירצט ווערן, אַז עס וועט איבערבלייבען גענוג און איבער־גענוג

ציט צו לעבען און צו האבען גייסטיגע פערגעניגען. וואס שווערער און אונאנגענעמער די ארבייט איז, אלץ וויניגער שטונדען וועט מען דערביי ארביי־טען. עס איז איבריג צו זאגען, אז ביי יעדע ארבייט וועלכע איז פערבונדען מיט אירגענד וועלכע גע־פאהר, צום ביישפיעל ביי עקספלאדיר־שטאפען אין די מינען, וועלען איינגעפיהרט ווערען אלע מעגליכע מיטעל צו פערהיטען פון אונגליקס־פעלע. אזעלכע מיטעל בעזיצט מען שוין י ע צ ט, וויא אויך פיעלע מאשינען צו טאן די שמו־ציגסטע ארבייטען; נאר מען געברויכט זיי ניט, ווייל די קאפיטאליסטישע הערשער ל ו י נ ט זיך בעסער ניט איינצופיהרען ענדערונגען. עס איז א פאקט, אז וואו נאר עס בריינגט מעהר פראפיט איינצופיהרען נייע מאשינען, ווערען אזעלכע מאשינען גלייך ערפונדען און געברויכט.

אין די עפענטליכע שולען וועט מען גוט אויפפאסען צו ענטוויקלען פיזיש און גייסטיג דעם יונגען דור, אויסצוגעפינען די אנלאגען, די נייגונגען פון יעדען קינד, זא דאס יעדער איינציגער וועט אימערצו קענען זיין א ניטצלי־כער מיטגליעד פון דער געזעלשאפט, יעדער וויים אויס ערפאהרונג, אז ווען ער טהוט איין ארבייט, צו וועלכע ער פיהלט זיך פעהיג, וועל־כע ער ליעבט — און יעדער האט א נייגונג צו א געוויסע בעשעפטיגונג — דאן איז ער אימ־שטאנדע דאס דאפעלטע צו לייסטען, די צרה פון דער היינטיגער געזעלשאפט איז, אז זעל־טען ווער עס איז אויף זיין ריכטיגען פלאץ, ד. ה. אז די מייסטען זיינען ג ע צ ו ו א ו נ ג ע ן זיך צו נעהמען צו אזא מין בעשעפטיגונג, צו וועלכע זיי האבען קיין שום טאלענט, קיין שום ליעבע. זעהען מיר דען ניט, וויא טוי־זענדע מענשען קלייבען זיך אויס פראפעסיאנען איינפאך ווייל זיי ווערען געצוואונגען דערצו דורך די אומשטענדען, דורך די נויטה?

אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט, ווען יעדערער וועט טהאן די ארבייט, צו וועלכע ער האט טאלענט און חשק, וועט ער שוין ניט בע־טראכטען די ארבייט אלס שטראף, אלס אפ־קומענעס, נאר ער וועט שאפען מיט פערגעני־גען, דען אהן ארבייט, אהן בעשעפטיגונג קען א געזונטער מענש ניט לעבען.

אויסער דעם, די טעכניק האט נאך לאנג ניט געזאגט איהר לעצטעס ווארט. די ערפינ־דונגען פון נייע מאשינעריען וועלען זיכער געהן אזוי ווייט, אז די גאנצע ארבייט וועט פערריכטעט ווערען פון זיי, און דער מענש וועט בלויז אויף זיי אויפפאסען. וועהרענד יעצט איז יעדע נייע מאשין דעם ארבייטערס ערגסטער שונא, א קללה פיר איהם, וועט זיא אין די סאציאליס־טישע געזעלשאפט ווערען זיין ערלייזער, זיא וועט זיין א ברכה פיר איהם.

אויך די פערטהיילונג פון דער ארבייט וועט ניט זיין א צרה פאר די ארבייטער וויא אין דער קאפיטאליסטישער סיסטעם. יעצט ווערט יעדער ארבייטער פשוט פערקריי־פעלט, ווייל ער איז געצוואונגען זיין גאנצען לעבען צו טאן א בעשטימטע ארבייט, ביי וועלכער ער ווענדעט אן ניט אלע אברים, נאר איינער אדער צוויי פון זיי. אלע איבעריגע, ווערען אבגעשוואכט, פערשטומפט, פערקריפעלט, אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט וועט דאס פערמיעדען ווערען דורך דעם, וואס יעדער וועט לייכט קענען איבערגעהען פון איין סארט ארבייט צו אן אנדערן, אזוי אז אלע אברים זאלען זיין בעשעפטיגט. אויך די לאנגוויילע און איבערדריסיגקייט פון דער ארבייט וועט דאדורך אויפהערען.

א חוץ דעם וועט אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט יעדער ארבייטער צו גלייכער צייט זיין דער אונטערנעהמער, זא דאס וואס מעהר ער וועט אויסארבייטען רק מעהר נוטצען וועט ער א ל י י ן האבען וויא אויך זיינע גענאסען - מיטארבייטער און ניט וויא איצט וואו זיינע אינטערעסען זיינען ענטגעגענגעזעצט צו די אינטערעסען פון זיין „ברויטגעבער.“

* * *

פון דיזע אלגעמיינע בעטראכטונגען קען דער לעזער זעהען, אז גראדע ד א ס וואס עס איז א י צ ט איין אנשיקענעס, און איין אונ־גליק פאר'ן ארבייטער, וועט זיך אומוואנדלען אין א קוואל פון גליק, פון פערגעניגען אין דער צוקינפטיגער געזעלשאפט. איך האב דא ניט געמאלען א צושטאנד, וואו די מענשען וועלען זיך זיצען די הענד פערלייגט און ווארטען, אז געבראטענע טויבען זאלען זיי אריינפליהען אין מויל. בלויז א י י ן ענדערונג איז נויטיג — דאס איז אז פריוואט־איינענטהום פון ערד, מא־שינען, פאבריקען, הייזער און איבערהויפט פון פ ר א ד ו ק צ י א נ ס מ י ט ע ל זאל פערוואנ־דעלט ווערען אין ק ה ל ' ש ע א י י ג ע נ־ט ה ו ם. אלעס איבעריגע וועט זיך שוין ענ־דערען פון זיך אליין, גראדע אזוי וויא ביים איינטרעטען פון פריהלינג ענדערט זיך אלעס אין דער נאטור.

דר. איזאק ארטמאן

# דיא קאראאימער

(אין פערבינדונג מיט דער געשיכטע פון סעקטען ביי אידען).

פון א. ל י ט װ י ן.

דיא געשיכטע פון סעקטען איז איינע פון דיא וויכטיגסטע טהייל׳ען פון דער אַלגעמיינער מענשליכער געשיכטע, דען דורך איהר קען מען בעקומען אַ ריכטיגען בעגריעף וועגען דיא שטרעבונגען פון דעם מענשען׳ס גייסט אין פערשיעדענע צייטען פון זיין ענטוויקלונג, וויא אזוי דיעזע ענטוויקלונג איז צוגעגאַנגען, וויעפיעל פעהלער דער מענש האָט געמאַכט אין זיין גייסטיגער ענטוויקלונג, וויעפיעל אָפּפער מען האָט געבראכט פיר יעדען פאָרשריט און ז. וו.

ביז דיא לעצטע יאהרהונדערטע שפיעגעלט זיך אָב אין רעליגיאָן אלעס וואָס דער מענש האָט ערוואָרבען ניט נאָר אין אידעען, אין פאָרשטעלונגען, נאָר אויך אין זיין געזעלשאַפטליכען און אפילו אין זיין עקאָנאָמישען לעבען. ווייל אלעס, וואָס איז נאָר געווען עטוואָס העכער פאר׳ן איינפאכען פיזישען לעבען, איז געווען רעליגיאָן. וויסענשאַפט, קונסט, צייטפערטרייב איז געווען רעליגיאָן. רעליגיאָן האָט ארומגענומען אלעס וואָס אונטערשיידעט דעם מענשען פון חיות און בהמות. און דעריבער האָט יעדע בעוועגונג פון דעם מענשען׳ס גייסט, פון זיין געזעלשאַפטליכען לעבען, יעדער קאמפף, יעדער זיעג און יעדע ניעדערלאַגע אין זיין ענטוויקלונג, זיך אויסגעדריקט אין רעליגיעזע שטרייטיגקייטען, אין סעקטען־צוטיילונגען, אין פערפאָלגונגען.

ווען מען קוקט אריין טיעפער אין אזעלכע געשיכטען זעהט מען, אז אונטער דעם קאמפף פיר דעם אָדער יענעם רעליגיעזען מנהג אָדער צערעמאָניע, ליעגט דער זעלביגער פּשוט׳ער, אייביגער קאמפף פאר׳ן לעבען, קאמפף פאר מאַכט, פאר רעכטע און גערעכטיגקייט. אָפט פיהרט אַ רעליגיעזער שטרייט צו אַ רעוואָלוציאָן אין געזעלשאַפטליכען לעבען, אָדער איז אליין אַ שטיק רעוואָלוציאָן. דעריבער, ווען מען לעזט דיא געשיכטע פון אַ סעקטען־קאמפף ביי אַ געוויסען פאָלק, דארף מען אימער זוכען דעם אונטערשלאַג פון דיעזער געשיכטע. מען דארף זוכען: וואָסערע פאָליטישע, סאָציאלע און עקאָנאָמישע אורזאכען האָבען איהם ארויסגערופען און צו וואָסערע פאָליטישע, סאָציאלע און עקאָנאָמישע ענדערונגען ער האָט געפיהרט.

אויס דיעזען שטאַנדפונקט וועלען מיר בעטראכטען דיא גרעסטע פון אלע שפאַלטונגען וואָס האָבען ווען עס איז פאסירט אין׳ם לעבען פון׳ם אידישען פאָלק, נעמליך: דיא סעקטען־שפּאַלטונג פון דיא קאראַאימען.

.1

## סעקטאַנטען ביי אידען און אַנדערע פעלקער.

אום צו פערשטעהען טיעפער אַ געוויסען היסטאָרישען פאקט, דארף מען איהם פערגלייכען מיט אַנדערע עהנליכע פאקטען. דיא קאראַאימער־שפּאַלטונג איז דיא וויכטיגסטע אין דער אידישער געשיכטע, זיא איז אָבער ניט דיא ערשטע. דיא ערשטע שפּאַלטונג אין דעם אידישען פאָלק האָט פאסירט נאָך אויף דעם באָדען פון פאַלעסטינאַ, אין אַ קאמפף פיר פאָליטישע־פרייהייט. דאָס איז געווען דיא רעוואָלוציאָן פון ירבעם בן נבט.

אָנגעהויבען האָט זיך מיט אַ פאָליטישען קאמפף, געענדיגט האָט זיך מיט אַ רעליגיעזער שפּאַלטונג.

דאָס פאָלק האָט פערלאַנגט פון שלמה׳ס תכשיט, פון רחבעם׳ען אַ שטייער־ערלייכטערונג און אַ מילדערע בעהאַנדלונג, און דיעזער האָט זיי געגעבען דיא בעריהמטע אַנטוואָרט: „מיין פאָטער האָט אייך געשלאָגען מיט ריטער און איך וועל אייך שמייסען מיט שטעכעדיגע דערנער.“ אז דיא רעוואָלוציאָן איז ניט געווען לכתחילה אַ רעליגיעזע, ווייזט דער פאַקט, וואָס דער נביא אחיה השילני, דער פאָרשטעהער פון רעליגיאָן, האָט געהאָלפען און אויפגעמונטערט ירבעם בן נבט צו אַן אויפשטאַנד. דער־

פאר האט ירבעם בן נבט, בשעת ער איז שוין געוועז אויפ'ן פערד, אוועקגעשטעלט צוויי קעלבער און געזאגט צום פאלק: „אלה אלוהיך ישראל אשר העלוך מארץ מצרים." — דאס זיינען דיינגעטער ישראל, וואס האבען דיך ארויסגעפיהרט פון'ם לאנד מצרים.

דיא צווייטע שפאלטונג איז געוועז אין דער צייט פון דיא חשמונאים, ווען דאס אידישע פאלק איז געוועז אונטער דער הערשאפט פון דיא גריכען. דאס איז געוועז דיא שפאלטונג פון דיא צדוקים און דיא פרושים. פיעלע מיינען, אז דיא סעקטע צדוקים איז געוועז א פראטעסט נעגען דעם רעליגיעזען דרוק פון דיא פרושים. דאס איז אבער ניט גאנץ ריכטיג. אזוי וויא אין דעם ערשטען קאמפף צווישען אפרים און יהודה נאך שלמה'ס טויט, אזוי איז דער באדען יעצט אויך געוועז א ריינער פאליטישער, אדער ריכטיגער געזאגט, א סאציאלער. דיא פראטעסטירענדע פארטיי זיינען געוועז דיא פרושים, ניט דיא צדוקים. דיא צדוקים זיינען געוועז דיא אריסטקראטען, דיא הערשענדע פארטיי.

דאס זעלבע איז אויך מיט דער קאראאיטעשער שפאלטונג. לכתחילה איז דאס געוועז א פאליטישער קאמפף. א רעליגיעזע פארב האט דער קאמפף בעקומען צופעליג און נאר שפעטער האט זיך דער שטרייט אומגעוואנדעלט אין א ריין רעליגיעזע שפאלטונג.

איידער מיר גייען איבער צו שילדערען דיא איינצעלהייטען פון דער קאראאיטעשער שפאלטונג, מוזען מיר נאך אויפמערקזאם מאכען אויף איין אומשטאנד פון דיא סעקטען־בעוועגונגען אין דעם אידישען פאלק. דיעזען אומשטאנד איז נויטיג צו נעהמען אין בעטראכט, אום צו פערשטעהען ריכטיג דיא בעדייטונג פון דער קאראאימען שפאלטונג. דאס איז נעמליך: דיא פאלגען, וואס יעדע פון דיא שפאלטונגען אין אידישען פאלק האט געהאט בכלל און אין דער קאראאיטעשער סעקטע בפרט. די פאלגען זיינען פונקט דער הפוך פון דעם, וואס מיר בעמערקען אין גרויסע סעקטאנטען־בעוועגונגען ביי אנדערע קולטור־נאציאנען, וויא צום ביישפיעל: ענגלאנד, פראנקרייך און דייטשלאנד.

דיא פוריטאנער, דיא בעדייטענדסטע רעליגיעזע סעקטע פון ענגלאנד, און דיא פראטעסטאנטען — דיא דייטשע און פראנצויזישע מתנגדים — זיינען ביים ערשטען בליק שטארק ענליך צו דיא אידישע צדוקים און קאראאימען. וויא יענע, אזוי אויך דיעזע האבען פראטעסטירט געגען דיא טויזענדפאכע ראמקעס און פלאנטערס, וואס האבען ארומגעפלאכטען, געדריקט און געשטערט דעם פרייען מענשענס גייסט. זיי האבען זיך געוואלט האלטען אן דער פשוט'ערער, ריינערער רעליגיאן פון דער ביבעל. ווערענד אבער דיא פוריטאנער האבען געבילדעט דעם פונדאמענט פון דער אמעריקאנער נאציאן, און דיא פראטעסטאנטען האבען געשאפען דיא גרעסטע דענקער און פרייהייטס קעמפפער פון אייראפא, זיינען דיא גרעסטע דענקער און פרייהייטסקעמפפער פון אידישען פאלק ארויס ניט פון דיא פראטעסטאנטען, נאר דוקא פון דיא, געגען וועלכע דיא פראטעסטאנטען האבען געקעמפפט.

דיא גרעסטע רעוואלוציאנערען פון דער אלטער וועלט — דיא נביאים, זיינען געוועז אין'ם לאנד יהודה און ניט אין אפרים. דיא ערשטע אידישע פראטעסטאנטען, די בני אפרים, וועלכע האבען צובראכען דעם דעספאטישען יאך פון רחבעם און געבילדעט א זעלבסטשטענדיגען פרייען שטאאט, זיינען ארייגעפאלען אין מאראלישע פערדארבענהייט, זיינען ניט געוועזען אים שטאנדע צו פערטהיידיגען זייער לאנד געגען דעם ערשטען דרוק פון שלמנאסר מלך אשור און זיינען אונטערגעגאנגען; ווערענד דאס לאנד יהודה האט א לאנגע צייט געקעמפפט פיר איינערליכע און אויסערליכע פרייהייט, און נאר דיא אייזערנע מאכט פון רוים האט עס געקענט אין גאנצען צוברעכען. דיא חשמונאים, דיעזע העלדען וואס האבען בעפרייט דאס אידישע פאלק פון'ם גריכישען יאך, זיינען געוועז אנהענגער פון דיא פרושים און ניט פון דיא צדוקים. דיא איצטיגע אידישע רעוואלוציאנערען אין רוסלאנד, וועלכע איבערראשען דיא וועלט מיט זייער העלדענמוטה, זיינען קינדער פון דיא תלמודיסטען, און ניט פון דיא קאראאימען. דיא קאראאימער זיינען אין איצטיגען רעוואלוציאנערען קאמפף, וואס גייט אן אין רוסלאנד, אזוי וויא אויסגעלאשען.

דיא הויפט אורזאכע פון דיא פערשיעדענע רעזולטאטען אין דער סעקטען־בעוועגונג ביי אידען און אנדער פעלקער דארף מען זוכען אין דעם פאקט, וואס יענע פעלקער האבען געלעבט און לעבען נאך יעצט א נארמאלען פאליטישען און נאציאנאלען לעבען, זיינען קיין מאל ניט געוועזען אבגעריסען פון זייער טערריטאריום, פון זייער ערד, ווערענד דאס אידישע פאלק האט דעם גרעסטען טייל פון זיין עקזיסטענץ אלס א פאלק

נעלעבט אָהן אַ באָדען, וויא אַן אייביגער נע־
ונד'ניק. זיין לעבען, זיין נאַציאָנאַלער כאַראַק־
טער האָט זיך מעהר אויסגעאַרבייט פון  א ו י־
ס ע ר ל י כ ע  אומשטענדען, וויא פון געזונדע
נאַטירליכע קרעפטען. שוין דיא מלכות אפרים,
זאָגאַר אין דער צייט פון דער פּאָליטישער פריי־
הייט, האָט זיך ניט געקענט זעלבסטשטענדיג
ענטוויקלען, ווייל דער שעדליכער איינפלוס פון
דרויסען, פון דיא פיינדליכע שכנים האָבען איהר
צו אָפט און צו שטאַרק געשטערט אין איהר
אינערליכען לעבען און ענדליך, נאָך אַ קורצען
קאַמפּף, געמאַכט צו איהר אַ סוף.

עס זיינען געוועזען נאָך אורזאַכען, וועלכע האָ־
בען געמאַכט דיא אידישע סעקטען, אַנשטאָט
אַ קראַפט וואָס שטויסט ווייטער דעם לעבען און
שאַפט נייע פאָרמען און אַ נייעם אינהאַלט —
הינטערשטעליג, רעאַקציאָנער און מעהר פער־
אַלטעט, וויא דיא אַלטע פאָרמען געגען וועלכע
זיי האָבען געקעמפפט. און דיעזע אורזאַכען ווע־
לען מיר ווייטער ערקלערען.

2.

## דיא לאַגע פון אידען אונטער דיא ער־שטע קאַליפען און ענן'ס קאַמפּף פאַר ראש גלותא.

אין דעם 8טען יאָהרהונדערט פון דער
קריסטליכער צייטרעכנונג איז אין דעם לעבען
פון דיא מזרח־פעלקער געוואָרען אַ גרויסע פער־
ענדערונג. דיא ניי־געגרינדעטע מאָהאַמעדאַני־
שע רעליגיאָן האָט אויפגעוועקט פיעלע אַראַבי־
שע און אַנדערע אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע
שטאַמען, וועלכע האָבען דאַן געדרימעלט אין
אַ האַלב ווילדען וואַנדערלעבען; זיא האָט זיי
צוגעצויגען צו דער קולטור פון דיא גרעסערע
און געבילדעטערע נאַציאָנען און צו דערזעלבער
צייט אויפגעוועקט אין זיי געפיהלען און שטרע־
בונגען צו הערשאַפט און מאַכט, פון וועלכער
דיא אַראַבישע שטאַמען האָבען פריהער גאַר ניט
געטרוימט.

אויף דיא אידען, וועלכע האָבען געהאַט
אַ שטאַרקען חלק אין דער נייער מאָהאַמעדאַ־
נישער אמונה אַזוי וויא מיט 7 הונדערט יאָהר
פריהער אין דער קריסטליכע רעליגיאָן,
האָט דיעזע איבערקעהרעניס אין דעם לעבען
פון דיא מזרח־פעלקער אויך געהאַט, פאַר־
שטייט זיך, אַ גרויסען איינפלוס. זיי האָבען
דיא ערשטע אויסגענוצט דיא נייע וועגען,
דיא לעבעדינערע פערבינדונגען צווישען אָפּ־
געלעגענע פעלקער און לענדער דורך דיא זיע־
גען פון דיא אַראַבער, וועלכע האָבען גע־
קעמפפט מיט אַ מורא'דיגע בעגייסטערונג
אין דעם נאָמען פון זייער נייער רעליגיאָן.

אין דעם לעבען פון דיא אידען וואָס האָ־
בען געוואוינט אין אַראַביען איז באַלד פאָר־
געקומען אַ שטאַרקע ענדערונג. פון איין זייט
האָבען אַ סך אידישע געמיינדען, וועלכע האָ־
בען געלעבט כמעט אין פּאָליטישער אומאָב־
הייניגקייט אין זייערע פערוואָרפענע ווינ־
קעלאָך פון אַראַביען*), פערלאָרען זייער פריי־
הייט און געמוזט — נאָך ביטערע קעמפפע —
אונטערוואַרפען זיך אונטער דעם יאָך פון דיא
ניי־געגרינדעטע אַראַבישע מלוכות. פיעלע אי־
דען האָבען געמוזט אויסוואַנדערען און בעזעצען
זיך אין אַנדערע לענדער.

פון דער אַנדער זייט האָבען זיך אומ־
געביטען דיא עקאָנאָמישע פערהעלטניסע.
פריהער האָבען זיך כמעט אַלע אידען בעשעפ־
טיגט מיט ערד אַרבייט און געפיהרט אַ
פשוט'ען לעבען נאָהענט צו דער נאַטור, אַזוי
וויא אַ סך פון זייערע שכנים, דיא אַראַבער.
יעצט האָבען זיי זיך אָנגעפאַנגען צו בעשעפ־
טיגען מיט האַנדעל, מיט וויסענשאַפט. זיי
זיינען געוואָרען דיא פערמיטלער צווישען דיא
ניי פערבונדענע פעלקער און האָבען פיעל
מיטגעווירקט אין דעם קאָמערציעלען און
גייסטיגען פערקעהר פון פערשיעדענע נאַציאָ־
נען און לענדער.

דיא קאַליפען, דיא נייע אַראַבישע הערר־
שער, האָבען לכתחילה דיא אידען בעקעמפפט
ניט נאָר דערפאַר וואָס זיי דיא אידען,
זיינען געוועזען געגנער פון דער מאָהאַמעדאַני־
שער רעליגיאָן, נאָר דיא הויפּטזאַכע דערפאַר,
וואָס זיי האָבען אַזוי מוטהיג געקעמפפט פיר
זייער פרייהייט. שפּעטער אָבער, ווען דיא
קאַליפען אַליין זיינען געוואָרען מעהר ציוויי־
ליזירט, האָבען זיי פערשטאַנען צו שעצען דיא
פעהיגקייטען פון דיא אידען און האָבען גע־
געבען זיי דיא רעכטע צו וואָהנען אומעטום.
אָפט האָבען זיי אידען פערטרויט הויכע פּאָ־
ליטישע שטעלען.

אין זייער אינערליכען געזעלשאַפטליכען

---

*) דיעזע אונאַבהענגיגע אידישע מדינות־לאָך
און געמיינדען אין אַראַביען האָבען געגעבען דעם
גרונד צו דיא בעריהמטע לעגענדען וועגען דיא
עשרת השבטים, בני משה און דעם טייך סמבטיון.

לעבען זיינען אידען געווען כמעט אונאבהענ־
גיג. אין אלע שטעדט זיינען זיי געווען ארגא־
ניזירט אין געמיינדען, האבען געהאט זייערע
אייגענע פיהרער און ריכטער און האבען גע־
לעבט כמעט אין גאנצען נאך זייערע אייגענע
דינים, מנהגים און זיטען. נאר א געוויסע
אבצאהלונג האבען זיי געדארפט צושטעלען
דער רעגיערונג. אום צו זאמלען דיעזע אבצאה־
לונג, וויא אויך צו האבען א פערמיטלער אין
אלגעמיין צווישען דעם אידישען פאלק און
דער רעגיערונג, האבען דיא אידען אליין ער־
וועהלט און דער קאליף האט בעשטעטיגט א
„ראש גלותא," דאס הייסט: „דער עלטעסטער
פון דיא פארטריעבענע."

דאס איז געווען א מין וויצע־קעניג מיט
א גרויסער פאליטישער מאכט. ניט אלע מאל
האט דער ראש גלותא בענוצט זיין מאכט צו
פארטהיידיגען זיין פאלק. ניט זעלטען פלעגט
טרעפען, אז ער פלעגט בעקומען זיין אמט
דורך כאבאר און פערראטה צו זיין פאלק און
אויסניצען דערנאך זיין מאכט אויסצופרעסען
ביי דיא געמיינדען דאס לעצטע פערמעגען.
קיין מאל איז דער אמט פון'ם ראש גלותא
אבער ניט געפאלען אזוי נידעריג וויא אין דעם
אנפאנג פון'ם אכטען יאהר הונדערט, צו דער
צייט, ווען עס איז ענטשטאנען דיא סעקטע
פון דיא קאראאימען.

דאס אמט פון'ם ראש גלותא פלעגט אי־
בערגיין בירושה פון'ם טאטען צום זוהן. דער
ראש גלותא פון יענער צייט איז געווען אן
אונבעדייטענדע פערזאן. ער האט ניט געהאט
קיין זוהן, און נאך זיין טויט זיינען, וויא אי־
מער אין אזא פאל, געווארען שטרייטיגקייטען
צווישען פערשיעדענע פארטייען. דיא וויכ־
טיגסטע קאנדידאטען אויף דעם אידישען
„וויצע־קעניגס טראהן" זיינען געווען צוויי ברי־
דער, נאהענטע פערוואנדטע צו דעם פערשטאר־
בענעם ראש גלותא. איינער פון זיי איז געווען
ווייניג געלערנט און האט איבערהויפט ניט בעזע־
סען דיא אייגענשאפטען פון א פאלקספאר־
שטעהער. דערפאר איז ער געווען א פרומער
מענש. זיין ברודער ענן איז געווען, פאר־
קעהרט, א געלערנטער מאן, מיט גרויסע פע־
היגקייט פון אן אנפיהרער און מיט א שטאר־
קען עהרגייץ. אין זיין פרומקייט האט מען
אבער שטארק ניט געגלויבט. מען האט גע־
רעדט אויף איהם, אז ער גלויבט ניט אין א סך
זאכען פון תלמוד.

דיא אנפיהרער פון פאלק אין גייסטיגען
אדער גיכער רעליגיעזען לעבען זיינען געווען
געוועהנליך דיא „ראשי המתיבתות" אדער דיא
עלטעסטע פראפעסארען פון דיא צוויי גרעס־
טע תלמודישע אקאדעמיען אין סורא און אין
פומבדיתא צוזאמען מיט דיא אנדערע לעה־
רערס. דער „ראטה" פון דיעזע תלמודיסטען
וואס האט זיך גערופען „ישיבת הגאונים,"
מיט דיא צוויי „ראשי המתיבתות" אן דער
שפיצע, האבען געהאט א גרויסע דעה אין
אויסקלייבען דעם ראש גלותא. זיי זיינען יעצט
געווען געגען ענן, אויסער דריי.

דער קאמפף איז געווען א הייסער. דער
סוף איז געווען, אז ענן'ס געגנער האבען גע־
זיעגט: ערוועהלט איז געווארען ענן'ס ברודער
און דער קאליף האט איהם בעשטעטיגט. דיא
קאראאימער בעהויפטען, אז ענן'ס געגנער הא־
בען איהם פארמסר'ט פאר'ן קאליף, אז ער
איז א מורד במלכות און מען האט דאריבער
איהם ארייגנעווארפען אין געפענגניס. אבו־
גאפאר אלמאנזא, דער קאליף פון יענער צייט,
האט אין אנפאנג פון זיין רעגיערונג געהאט
אויסצושטעהען א ביטערען קאמפף מיט אי־
דישע רעוואלוציאנערען אונטער דער אנפיה־
רונג פון א געוויסען עיסו. דער קאליף האט
דארום געגלויבט דיא מסירה און ענן איז
פערמישפט געווארען צום טויט.

אין געפענגניס איז ענן צופעליג בעקאנט
געווארען מיט א געוויסען אבו חאניפא, א
מאהאמעדאנישען געלעהרטען און פילאזאף.
דיעזער אבו חאניפא האט איהם געגעבען א
ראטה, ער זאל זיך ערקלעהרען אלס געגנער
פון דער אידישער תלמודישער רעליגיאן, און
אן אנהענגער פון א רעליגיעזער סעקטע וואס
אנערקענט ניט דעם תלמוד און שעצט מאהא־
מעד פיר א נביא. וויא עס שיינט האט דיעזער
פלאן געווירקט. דער קאליף האט דאן גאר
אנדערס אנגעהויבען צו קוקען אויף ענן און
זיין פארטיי און האט איהם אויך בעפרייט
פון געפענגניס.

3.

## ענן און די פריהערע אידישע סעקטען.

ווען ענן האט פריהער געהאט נאר אייז
געדאנק: צו בעקומען דאס אמט פון'ם „ראש
גלותא", האבען יעצט אלע אומשטענדען און
זיין אייגענער עהרגייץ איהם געטריעבען צו
ווערען דאס, פאר וואס ער האט זיך אויסגע־
געבען. ווען איהם איז ניט געלונגען צו שטעהן

אן דער שפיצע פון גאנצען אידישען פאלק, האט ער וועניגסטענס געוואלט זיין דער אנפיהרער פון א טייל פאלק, דערצו האט ער דאך געדארפט ווייזען פראקטיש דעם קאליף, אז ער געהערט ניט צו דערזעלבער רעליגיאן, וויא דיא תלמודיישע אידען.

ענן האט דארום גענומען גרינדען פון זיין פאליטישע פארטיי א רעליגיעזע סעקטע. שאפען עטוואס נייעס האט ער אייגענטליך ניט געהאט נויטיג. צו יעדער צייט זיינען ביי אידען, וויא אין יעדען אנדער פאלק, געוועזען פראטעסטאנטען געגען דיא אלגעמיין אנערקענטע רעליגיאן. עס איז אבער א טעות, ווען מען זאל רעכנען, אז דיעזע פראטעסטאנטען זיינען אימער בעשטאנען פון זעלבסטשטענדיגע דענקער, וואס האבען געוואלט צוברעכען דעם פאלקס גייסטיגע קייטען און בעפרייען זיין געדאנק; וויא עס איז אויך א טעות צו רעכנען, אז דער תלמוד בעשטעהט נאר פון א גאנצען בארג פלאנטערס און דריידלאך, וואס געוויסע פאנאטיקער האבען מיט א כיון אנגעפלאנטערט, כדי צו פארשטומפפען און פערקלאמערן דעם אידענס גייסט.

דער תלמוד, אזוי וויא דיא ביבעל, איז ניט מעהר, וויא א קולטור היסטארישער מאמענט פון'ם אידישען פאלק אין א געוויסער צייט פון זיין עקזיסטענץ. דא האט איהר אי לעגענדען, אי היסטארישע פאקטען, אי דינים, זיטען, מנהגים — אייגענע און פרעמדע — וויא אויך פארצייטיגע וויסענשאפטען: פילאזאפיע, מאטעמאטיק, אסטראנאמיע, פאעזיע, משלים, וויצען, גלייכווערטלאך און ז. וו. קורץ דאס איז א שפיעגעל פון דעם אידישען נאציאנאלען, סאציאלען און פאמיליען לעבען.

אזוי האבען געקוקט אויפ'ן תלמוד דיא גייסטיגע פיהרער פון'ם אידישען פאלק אין דיא ליכטיגערע מאמענטען, ווען אידען איז געוועזען מעגליך צו נעהמען אן אנטהייל אין דעם קולטורעלען לעבען פון דיא ארומיגע פעלקער. אין דיא פינסטערע צייטען אבער, ווען מען האט זיי געיאגט און געהעצט און געפייניגט, און אויב מען האט זיי ערלויבט צו לעבען און צו אטעמען, איז דאס געוועזען אין א ענגען, שמוציגען גהעטא, אונטער אונאויפהערליכע בעליידיגונג און שאנדע — האט זיך דאס אידישע פאלק צוריקגעצויגען אין זיך, און אזוי וויא שטארבען האט עס ניט געוואלט און ניט געקענט, ווייל עס האט בעזעסען צו פיעל גייסטיגען לעבען, האט עס זיך ארומגעוויקעלט מיט זיינע אלטע, פארטריקענטע בלעטער, אזוי ווי אן אינסעקטען־פופע מיט איהרע געוועבטס און אינעווייניג האט עס קוים קוים דערהאלטען זיין אטהעם און זיין לעבען.

אין אזא צושטאנד איז יעדער פינטעלע פון דיא אלטע בלעטער געוועזען טהייער און הייליג, ווייל נאר אין זיי אינעווייניג איז געווען מעגליך כאטש וויא עס איז צו לעבען. אין אזא צושטאנד שיינט יעדע איגערליכע רעפארם אונגאטירליך און אונזינניג, ווארום צו וואס נוצען דיא אינערליכע רעפארמען, אז פון אויסען איז דער לעבען סיי ווי סיי קיין לעבען ניט? און דעריבער איז יעדער רעפארם־מאכער, וואס האט געוואלט צורייסען דיא אלטע בלעטער, געווען פאררעכענט ביי דעם פאלק פיר א פיינד, פיר א פערדעטהער. אוים ליעבע צו זייער אונגליקליכען פאלק האט ניט איין רעפארמער אין אזעלכע פעלע אויפגעגעבען זייגע פלענער און געשמאכטעט צוזאמען מיט זייגע ברידער אין פינסטערניס און עלענד. דיא יעניגע אבער, וואס ביי זיי זיינען דיא רעפארם אידעען געווען בלויז א מיטעל צו עהרגייציגע שטרעבונגען, האבען זיך אין אזעלכע פעלע אבגעריסען, געמאכט א בעזונדער קלייזעל מיט א בעזונדער שלחן ערוך און זיינען מיט זייער הייפיל אוועק ניט פארווערטס, נאר צוריק צו דיא אבגעלעבטע זיטען און זיינען אין אזא צושטאנד פערהארטעוועט און פערשטיינערט געווארען נאך מעהר וויא דיא, געגען וועלכע זיי האבען זיך ארויסגעשטעלט אלס פראטעסטאנטען.

א הייפעלע פון אמאליגע סעקטען האבען זיך נאך וואו ניט וואו געוואלגערט אין דיא אבגעלעגענע ווינקלאך פון ארץ ישראל, בבל און פרס. דאס זיינען מייסטענס געווען דיא איבערבלייבעכטסען פון דיא אמאליגע צדוקים און איכעער. דיא לעצטע זיינען געווען א מין סארט אידישע מאנאכען. זיי האבען געדיענט ענן'ען אלס א מוסטער פיר זיין נייע לעהרע. זיינע נאכפאלגער האבען זיך גערופען מיט זיין נאמען „עננים“ אדער „בני מקרא“, א נאמען פון אן אלטער אידישער סעקטעלע, וואס האט זיך אזוי גערופען, ווייל זיי האבען נאר געהאלטען פון „מקרא“, דאס הייסט פון תנ"ך. „קראים“ אדער קאראאימען האט זיך דיעזע סעקטע אנגעפאנגען צו רופען ערשט שפעטער. (שלוס פאלגט).

# אידען אין רוססלאַנד

## פיערטעס קאַפּיטעל.

## אידען אין פּוילען אונטער דער הערשאַפט פון דער פאַמיליע פּיאַסט.*)

מיעטשיסלאַוו דער ערסטער. — אידען און דער שקלאַפען־האַנדעל. — מיעטשיסלאַוו דער „אַלטער.“ — פּוילישע מטבעות מיט העברעאישע אויפשריפטען. — קאַזימיר דער גערעכטער. — הײנריך דער בערדיגער. — באָלעסלאַוו דער פרומער. — דיא דײטשען און דיא אידען. — בעפעלען פון דיא טאַטאַרען. — דיא קרײצציגע און בעשולדיגונגען געגען אידען. — באָלעסלאַוו דער פיערטער, הערצאָג פון קאַליש. — קאַזימיר דער דריטער (גענאַנט: דער גרויסער). — קאַזימיר׳ס אידישע פרוי אסתר׳קע. — אידישע פּריווילעגיעס.

וועגען דער בעזעצונג פון אידען אין פּוילען האָב איך שוין געשריעבען אין דעם ערסטען קאַפּיטעל; דאָ גיב איך אַן איבערבליק איבער זייער לאַגע אין דיעזען לאַנד.

אין מיטעל־אַלטער, ווען אידען האָבען אין גאַנץ אייראָפּאַ געליטען שרעקליכע רדיפות, איז פּוילען געוועזען דאָס איינציגע לאַנד, וואו זיי האָבען געפונען רוהע און מענשענרעכט. איבערהויפּט איז זייער לאַגע אין דיעזען לאַנד געוועזען גוט אונטער דער הערשאַפט פון דיא קעניגע פון דער פאַמיליע פּיאַסט, פון 860 ביז 1370. בלויז אונטער איינעם פון דיעזע קעניגע איז מען געגען אידען אויפגעשטאַנען; דאָס איז געוועזען אונטער באָלעסלאַוו דעם פינפטען, גענאַנט דער פרומער, וועלכער איז געוועזען אַ דומער הערשער, וואָס האָט מיט זיין שוואַכען כאַראַקטער אָבגעשוואַכט דיא מאַכט פון פּוילען און געבראַכט אונגליק אויף זיין לאַנד און אויף דיא אידען. דיא פּיאַסטען זיינען געוועזען גוט צו דיא אידען, ווייל דיעזע קעניגע האָבען גוט געדענקט, דאָס זיי האָבען געהאַט צו פערדאַנקען זייער טהראָן דעם אידען אברהם פּראָכאָווניק.**)

אין דעם יאָהר 964, אונטער מיעטשיסלאַוו (מסטיסלאַוו) דעם ערסטען פון דער פאַמיליע פּיאַסט, האָבען דיא פּוילען אָנגענומען דיא קריסטליכע רעליגיאָן. צו יענער צייט איז געוועזען איינגעפיהרט אין אייראָפּאַ, דאָס קריעגס־געפאַנגענע זאָלען געמאַכט ווערען פיר שקלאַפען. אזוי וויא דיא אייראָפּעאישע פעלקער האָבען דאַן געפיהרט איינע מיט דיא אַנדערע אָפטע מלחמות, איז דיא צאָהל פון קריעגס־שקלאַפען געוועזען זעהער גרויס און עס איז דערפון ענטשטאַנען אַ שקלאַפען־האַנדעל. אין דיעזען מסחר האָבען זיך זעהר פלייסיג בעטהייליגט דיא אידען אין פּוילען. דורך זייער געשעפטס־פעהיגקייט און זייערע פערבינדונגען מיט אידען אין אַנדערע לענדער האָט זיך דיזער האַנדעל זעהער שטאַרק פערברייטעט. צווישען דיא פערקויפטע שקלאַפען זיינען אויך געוועזען פיעלע קריסטען. דיא לאַגע פון דיעזע שקלאַפען האָט ערוועקט מיטלייד ביי דיא קריסטליכע פּוילען און דאָס האָט ארויסגערופען אַ האַס צו דיא אידען. דיעזער שקלאַפען־האַנדעל איז געוועזען אין אידישע הענד ביז דער צייט פון קעניג סיגיזמונד אויגוסט. ער האָט אין 1529 אידען פערבאָטען זיך צו בעשעפטיגען מיט דיעזען מסחר.

נאָך איין זאַך האָט מיטגעווירקט צו ערוועקען האַס געגען אידען אין פּוילען. דיא רוימישע פּעפּסטע האָבען אויס רעליגיעזען גרונד פערבאָטען דיא קריסטען זיך צו בעשעפטיגען מיט הלוואות אויף פּראָצענט. פיר אידען איז דיעזער פערבאָט ניט געוועזען גילטיג און זיי האָבען דורך דיעזעס געשעפט ערוואָרבען גרויסע פערמעגענס. אונטער דער רעגיערונג פון מיעטשיסלאַוו דעם אַלטען (רעגיערט פון 1173

*) אין דער בעארבייטונג פון דיעזען קאַפּיטעל האָב איך בענוצט נ. באַגראָוו׳ס „יעווריייסקי מאַנוסקריפּט“ (קאַפּ. 1) און שטערנבערג׳ס „געשיכטע דער יודען אין פּאָלען.“

**) וועגען דיעזען אברהם זעה ערסטען קאַפּיטעל.

ביז 1179) האבען דיא קאטהאלישע גייסטליכע און אדעלליים אין פוילען געוואלט, נאך דעם ביישפיעל פון דיא נאכבארשאפטליכע קאטהאלישע לענדער, קאנפיסקירען דיא פערמעגענס פון דיא אידען און זיי ארויסטרייבען פון לאנד, אבער דער גוטער קעניג האט זיי געשיצט געגען דיעזען פלאן פון זייערע שונאים.

מיעטשיסלאוו דער אלטער איז צו דיא אידען געוועזען אזוי גוט, דאס ער האט זיי אבגעגעבען אין ארענדע דעם מינץ־האף (דער הויף, וואו עס ווערען געמאכט מטבעות) און האט זיי זאגאר ערלויבט צו פרעגען (שטעמפלען) מטבעות מיט העברעאישע אויפשריפטען. צווישען דיא פוילישע מינצען־זאמלונגען פון מיעטשיסלאוו דעם דריטענ'ס (דעם אלטענ'ס) צייט געפינען זיך פאלגענדע פינף מטבעות מיט העברעאישע אויפשריפטען:

1) א מטבע מיט דער פיגור פון א פירסט אין זיצענדער פאזע, ביידע הענד אויפגעהויבען, מיט דער אומשריפט: א ב ר ה ם ד ו כ ס (אברהם דער הערצאג). דיעזע אומשריפט בעציהט זיך אויף אברהם פראכאוניק.2)

2) א מטבע מיט דער פיגור פון א לייב מיט דער אומשריפט: מ ש ק ה מ ל ך פ ו ל ס ק י (משקה קעניג פון פוילען). מ ש ק ה איז דיא אבקירצונג פון מיעטשיסלאוו.

3) א מטבע מיט דער פיגור פון א פירסט אין זיצענדער פאזע, אין דער רעכטער האנד א פויגעל. מיט דער אייפשריפט: מ ש ק ה.

4) א מטבע מיט דער פיגור פון א זיצענדען פירסט, וועלכער האלט אין דער רעכטער האנד א צווייג, מיט אויפשריפט צו לינקס: מ י ש ה א.

5) א מטבע מיט א זיצענדען פירסט, אין דער לינקער האנד א סצעפטער און אויף דיא קניע א שווערד; אומשריפט: מ י ש ה א.3)

אלס מיעטשיסלאוו דער אלטער איז אראפ פון טהראן און אויף זיין ארט איז ארויף זיין ברודער, הערצאג קאזימיר דער גערעכטער, אין דעם יאהר 1179, איז דיא לאגע פון דיא אידען אין פוילען געווארען נאך בעסער. אין 1180 האט קאזימיר דער גערעכטער געלעגט דעם פונדאמענט צו דיא אידישע פריווילעגיעס, וועלכע זיי האבען שפעטער געקראגען פון דעם הערצאג פון קאליש, באלעסלאוו, אין 1264.

אונטער דער רעגיערונג פון היינריך דעם בערדיגען האבען דיא אידען עבענפאלס געלעבט גליקליך; זיי זיינען געוועזען אייגענטהימער פון לאנד און הייזער און האבען געהאט דיא פרייהייט צו פיהרען געשעפטען וואו זיי האבען נאר געוואלט. זיי האבען געפיהרט דעם האנדעל אויף דיא מערק און ירידען. נאך פון דעם יאהר 1239, ווען היינריך דער בערדיגער איז געשטארבען און עס איז ארויף אויפ'ן פוילישען טהראן באלעסלאוו דער פינפטער, געגאנט דער פרומער, האט דיא אידישע לאגע אנגעהויבען געהן צום שלעכטען.

באלעסלאוו דער פינפטער איז געווען א מענש מיט א שוואכען כאראקטער און זיין לאנד איז דורך זיין שוואכקייט געזונקען צו א ניעדריגער מדרגה. פוילען האט אין זיין צייט פערלארען פיעל פון איהר מאכט, דאס פאלק איז געווארען פויל און אונטהעטיג. אום דאס לאנד צו בעלעבען, האט ער אנגעפילט דאס לאנד מיט דייטשען, וועלכע זיינען געווארען דיא בעלי־בתים פון פוילען, און דיעזע איינגעוואנדערטע דייטשען האבען פון זייער לאנד מיטגעבראכט דיא שנאה צו אידען. אלס צוגאב צו דיעזער צרה האבען זיך אויף פוילען ארויפגעלאזען דיא טאטארען אין 1240. דיא טאטארען זיינען אונטער זייער פיהרער באטו־כאן בעפאלען דאס לאנד און האבען בערויבט און אויסגעהרג'עט טויזענדער מענשען. דיא רייכע אידען, נאטירליך, האבען פון דיא מאנגאלען געליטען מעהר ווייא אלע. נאך דיעזעם אונגליק איז נאך ניט געווען דאס לעצטע. איידער דיעזע צרה איז פערשוואונדען, האט זיך בעוויעזען א נייע: טויזענדער קאטהאליקען מיט זייערע גייסטליכע אן דער שפיצע האבען זיך צוזאמענגענומען צו א קרייץ־צוג געגען דיא פערהאסטע אידען, און אלע פאלשע בעשולדיגונגען, וואס זיינען געגען אידען געוועזען פערברייטעט אין דיא קאטהאלישע לענדער, האבען דיא פוילישע גייסטליכע אנגעהויבען צו פערשפרייטען צווישען דעם פוילישען פאלק. דומהייט, אונוויסענהייט און אבערגלויבען האבען אזוי שטארק געהערשט צווישען דעם פאלק און דיא גייסטליכע, דאס דיא גייסטליכע זעלבסט האבען דיא ליגענס, וועלכע זיי האבען פערשפרייט וועגען אידען, אנגעהויבען צו האלטען פיר ריכטיג.

פאלגענדער ביישפיעל גיט א בעגריף פון

---

2) שטערנבערג, געש. דער יוד. אין פאלען, זייטע 5.

3) דארטען, זעה זייטען 20—19.

דער דומהייט פון דיא פוילישע קאטהאלישע גייסטליכע פון יענער צייט.

מען האט בעשולדיגט א אידען, דאס ער האט געה'רג'עט א קריסטליכעס קינד, און מען האט איהם אנגעטהאן יסורים ביז ער האט זיך מודה געווען אין דעם פערברעכען, וואס ער האט ניט בעגאנגען. דיעזען „מערדער" האט מען דאן פערברענט אויפ'ן שייטער־הויפען. אבער דיא גייסטליכע, וועלכע האבען מיט פערגעניגען צוגעזעהען, וויא מען פערברענט דעם אידען האבען געפאדערט, דאס מען זאל מיט איהם אויך פערברענען זיין שאטען! זיי האבען מורא געהאט טאמער וועט פערברענט ווערען ניט דער איד, נאר דער טייוועל, וועלכער האט זיך פערשטעלט פיר דעם אידען, און דער איד וועט זיך בעדעקען מיט זיין שאטען און וועט בלייבען לעבען!

באלעסלאוו דער פיערטער, דער הערצאג פון קאליש, איז געווען זעהר גוט צו דיא אידען, און עס זיינען דעריבער אין זיין צייט געקומען אין פוילען פיעלע אידען פון פערשיעדענע לענדער. ווען דיא צאהל פון אידען אין זיין לאנד איז געווארען זעהר גרויס, האט באלעסלאוו געהאלטען פיר נויטהיג צו בעשטימען זייערע רעכטע דורך געשריעבענע געזעצע. און ער האט אין 1264 ארויסגעגעבען א שריפט פון פריווילעגיעס פיר אידען.

באלעסלאוו'ס פריווילעגיעס האבען אידען געגעבען גרויסע פרייהייטען — אין מאנכע הינזיכטען גרעסערע וויא דיא קריסטליכע פוילען האבען גענאסען; מען האט זיי געגעבען גרויסע רעכטע צו האנדלען אין לאנד; דאס רעכט צו לייהען געלד אויף פראצענט און צו נעהמען משכנות; מען האט שטרענג פערבאטען צו בעשולדיגען אידען, דאס זיי דארפען האבען קריסטליכעס בלוט צו רעליגיעזע צוועקען, און מען האט אויך קריסטען פערבאטען מיט געוואלד צו בעקעהרען אידישע קינדער צום קריסטענטהום. באלעסלאוו האט דיא אידען ערלויבט צו האבען אייגענע געריכטס־הייזער פיר ציוויל־פראצעסען און רעליגיאנס־אנגעלעגענהייטען.

דיעזע מענשליכע שטעלונג צו אידען האבען אויך גענומען באלעסלאוו'ס נאכפאלגער. אין 1319 ווען וולאדיסלאוו לאקיעטעק האט דעם פוילישען פאלק געגעבען א קאנסטיטוציאן, האט ער אויך דיא אידען געהאט אין זינען און האט זיי געגעבען אלע רעכטע, וועלכע ער האט געגעבען דיא אנדערע בירגער פון זיין לאנד.

אין דיעזע גליקליכע צייטען זיינען דיא אידען אין פוילען געווארען רייך און מעכטיג. פיעלע פון זיי זיינען געווען צווישען דיא איינפלוסרייכסטע לייטע פון לאנד און האבען געהאט א הויכעס אנזעהען ביי דער רעגיערונג, וועלכע האט זיי געאכטעט פיר זייער פעהיגקייט.

אין 1334 האט קאזימיר דער דריטער (קאזימיר דער גרויסער) בעשטעטיגט דיא אידישע פריווילעגיעס פון באלעסלאוו דעם פיערטען. דיעזער פוילישער קעניג האט זיך אויסגעצייכענט מיט בעזאנדערע פריינדשאפט צו אידען. קאזימיר איז מיט אידען געשטאנען אין מחותנשאפט; ער האט זיך פערליעבט אין א שעהנע אידישע מיידעל און האט זיא געמאכט פיר זיין פרוי. דער נאמען פון דיעזער פויליש־אידישער קעניגין איז געווען אסתר'קא. זיא איז געווען א שניידער'ס א טאכטער. פיעלע פוילישע אדעל־לייט רעכענען זייער יחוס פון דיא קינדער, וואס קאזימיר האט געהאט מיט דיעזער אסתר'קא. מאנכע פוילישע היסטאריקער בעהויפטען, דאס קאזימיר איז געווען גוט צו דיא אידען צוליעב זיין אידישער געליעבטער; עס ווערט אבער נאכגעוויעזען, דאס ער האט דיא אידישע פריווילעגיעס בעשטעטיגט נאך איידער ער האט זיך פערליעבט אין דער אידישער טאכטער.

קאזימיר דער דריטער איז געשטארבען אין 1370 און צוזאמען מיט איהם זיינען אונטערגעגאנגען דיא אידישע גליקליכע צייטען אין פוילען. ער איז געווען דער לעצטער קעניג פון דער פאמיליע פיאסט.

היער זיינען דיא הויפט־ארטיקלען פון דיא אידישע פריווילעגיעס, וועלכע באלעסלאוו האט געגעבען און קאזימיר דער דריטער האט בעשטעטיגט:

ארט. 1. צו געפינען א אידען שולדיג אין א פערברעכען דארפען זיין דריי עדות — צוויי קאטהאליקען און איין איד — וועלכע זיינען בעקאנט מיט אידישע געזעצע.

דיעזעס געזעץ איז געווען געציעלט געגען דיא יעזואיטען, וועלכע האבען אויף אידען אפט ארויפגעווארפען בלבולים.

ארט. 2 און 3. אידען האבען דאס רעכט צו לייהען געלד אויף משכנות.

ארט. 4. ווען עס קומען פאר שטרייטיגקייטען צווישען אידען, זאלען דיא שטראף־געלדער געהערען צו דער קעניגליכע קאסע.

ארט. 5. ווען א קריסט בעשעדיגט א

אידישען בית עולם זאָל אַלס שטראַף דאַפיר קאָנפיסקירט ווערען זיין פערמעגען.

אַרט. 6. דער וואָס וואַרפט אַריין אַ שטיין אין אַ אידישע שול דאַרף צאָהלען שטראַף אין דער קעניגליכער קאַסע צוויי פונט פעפער אָדער זייער ווערטה אין געלד.

אַרט. 7 און 8. מען קען אַ אידען ניט צווינגען צו שווערען ביי דיא צעהן געבאָט, סיידען וואו עס האַנדעלט זיך אום אַ סומע, וועלכע איז ניט קלענער פון 50 זילבער מאַרקען. אין קליינע זאַכען זאָל ער שווערען ביי דער טהיר פון שול. *)

אַרט. 9. ווען אַ איד ווערט בעשולדיגט, דאס ער האָט געטויטעט אַ קריסטליכעס קינד, דאַרפען דיא עדות זיין דריי קאַטהאָליקען און דריי אידען. ווען עס שטעלט זיך אַרויס, אז דיא בעשולדיגונג איז פאַלש, דאַרפען דיא אנקלעגער ערהאַלטען דיא זעלביגע שטראַף וואס דער אַנגעקלאַגטער ווען ער וואָלט געפונען געוואָרען שולדיג.

דיעזעס געזעץ איז געווען געציעלט געגען עלילת דם, וועלכע מען האָט אין מיטעלאַלטער זעהר אָפט אַרויפגעוואָרפען אויף אידען.

אַרט. 10. עס איז ניט ערלויבט צו גנב'ענען אידישע קינדער, און דער וואָס איז שולדיג אין דיעזען פערברעכען זאָל בעשטראַפט ווערען וויא אַ גנב.

אין יענע צייטען פלעגען קאַטהאָליקען אין פוילען גנב'ענען אידישע קינדער און זיי בעקעהרען צום קריסטענטהום. זיי האָבען עס געהאַלטען פיר אַ גרויסע מצוה.

אַרט. 11. אידען זיינען פריי צו קויפען אירגענד וועלכע וואַארע און אָנצוריהרען ברויט און אַנדערע עסענוואַרג.

עס איז געווען אַ צייט אין קאַטהאָלישע לענדער, ווען אידען איז געווען פערבאָטען אָנצוריהרען עסענוואַרג, וואס אַ קריסט קויפט. ווען אַ איד האָט אויפ'ן מאַרק אַן עסענזאַך אָנגע־

*) זעהער אינטערעסאַנט זיינען דיא צערעמאָניען ביי'ן שווערען און דיא פאָרם פון דיא שבועה, וועלכע זיינען אין יענער צייט אין פוילען געווען איינגעפיהרט פיר אידען אין פראָצעסען מיט קריסטען. דאָס געזעץ האָט געלויטעט: „ביי'ן געבען דיא שבועה זאָל דער איד שטעהן אויף אַ שטוהל צו מזרח זייט, אָנגעטהאָן אין טלית און קיטעל און דיא פעלצענע היטער (שטריימעל) אויפ'ן קאָפּ.“ אום דיא שבועה זאָל געזאָגט ווערען דייטליך, האָט דאָס געזעץ ווייטער בעשטימט: „ווען ער (דער שווערענדער) פערהיקעט זיך דריי מאָל, בעצאָהלט ער דריי פערטעל מאַרק; ווען ער שטאָטערט אָבער פיער מאָל, פערליערט ער דעם פראָצעס.“ דער וואָס האָט געדארפט פארזאָגען דיא שבועה האט אנגעפאנגען מיט דיעזע ווערטער:

אלהו! — איד, איך דערמאָהן דיר אָן דיעזע דריי בוכשטאַבען (א — ל — ה) און דיא תורה, וואָס גאָט האָט משה'ן געגעבען אויף דיא שטיינערנע לוחות אויפ'ן באַרג סיני, דאָס דיעזער ספר, אויף וועלכען דוא דאַרפסט שווערען צו דיעזען קריסט, איז וואַהר און הייליג.“

דער אינהאַלט פון דער שבועה איז געווען וויא פאָלגט:

„אַזוי זאָל מיר גאָט העלפען — דער גאָט, וואָס האָט בעשאַפען הימעל און ערד, לופט און טהוי, באַרג און טהאָל, בלומען און גראָז — דאָס איך בין דעם קריסט ניט שולדיג וואָס ער מאָהנט פון מיר. און ווען איך בין שולדיג, זאָלען מיך בעפאַלען דיא קרעץ, פון וועלכע אלישע האָט נעמן'ען אויסגעהיילט און וועלכע גחזי האָט געקריגען; ווען איך בין שולדיג, זאָל מיך פערברענען אַ הימלישער פייער און בעפאַלען דיא בייזע קראַנקהייט און בלוט־פלוס; ווען איך בין שולדיג, זאָלען מיין נשמה, מיין גוף, מיינע עבירות ווערען פערדאָרבען און איך זאָל ווערען פערוואַנדעלט אין אַ זייל פון זאַלץ וויא לוט'ס ווייב, ווען סדום און עמורה זיינען איבערגעקעהרט געוואָרען; ווען איך בין שולדיג, זאָל איך קיינמאָל ניט זיין אין דעם שויס פון אברהם'ען, וואו קריסטען, אידען און היידען וועלען אויפשטעהען תחית־המתים פאר דעם בעשעפער פון אַלעס; ווען איך בין שולדיג, זאָל דיא תורה, וואָס גאָט האָט משה'ן געגעבען אויפ'ן באַרג סיני און וועלכע גאָט האָט מיט זיינע פינגער געשריעבען אויף דיא שטיינערנע לוחות, מיך פערשטויסען; און ווען מיין שבועה איז ניט עהרליך, ריין אָדער ניט־ריכטיג, זאָל מיך פערשטויסען דער אַלמעכטיגער אדוני און מיך פאַקען דער טייוועל און פיהרען אין פערדערבען אויף אייביג. אמן.“

דיעזע שבועה איז ניט דיא ערפינדונג פון פוילען; זיא איז איבערגענומען געוואָרען פון דיא אונגאַרישע געזעצע פון 12טען יאַהרהונדערט, פון וועלכע דיא פוילישע געזעצגעבער האָבען פיעלעס קאָפּירט. אויב איך האָב ניט קיין טעות, געפינט זיך אַן עהנליכע פאָרם פון אַ שבועה פיר אידען אויף דיא שטאַטוטען פון רומעניען.

ריהרט מיט דיא הענד האָט ער עס געמוזט אָב־קויפען, אפילו ווען ער האָט עס ניט נויטהיג געהאט. דיעזעס ווילדע געזעץ האָט אין דעם צעהנטען יאהרהונדערט איינגעפיהרט דער ערצבישאָף אַגאָבאַרד פון ליאָן, פראַנקרייך.

אַרט. 13. דער פריעדענס־ריכטער (קריסטליכער) קען משפט'ן אַ אידען, ווען דער איד האָט ניט דאַגעגען; זאָנסט זאָל אַ אידען משפט'ן אַ אידישער ריכטער.

אַרט. 17. אין אידישע שבתים און ימים־טובים קען מען אַ אידען ניט צווינגען אומצוקעהרען אַ משכון.

אַרט. 18. ווען אידען רופען אין מיטען נאַכט אום זיי צו העלפען געגען גנבים און קריסטען ענטזאַגען זיך זיי צו געבען הילף, זאָלען דיא קריסטען דאַפיר בעשטראָפט ווערען.

---

עס זיינען דאָ נאָך ארטיקלען אין באָלע־סלאַוו'ס און קאַזימיר'ס שוץ־געזעצע פיר אידען, אָבער דיא, וועלכע זיינען דאָ געבראַכט געוואָרען, זיינען גענוג צו געבען אַ בעגריף פון דער שטע־לונג פון דיעזע פוילישע קעניגע צו דיא אידען.

אל. הארקאַווי.

## א גרוס צו דער „נייער צייט“ אין לאָנדאָן.

מיר שיקען אונזער הערצליכען גרוס צו דיא לאָנדאָנער גענאָסען, וועלכע האבען ענדליך ער־פילט זייער אַלטען וואונש ארויסצוגעבען אַ סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג. מיט הערצליכע פריידע נעהמען מיר אויף אונזער נייעם קאַמפף־אָרגאַן דיא „נייע צייט“. מיר האָפען, אַז דיא „נייע צייט“ וועט האבען אַ לאַנגען לעבען און וועט ווערען אַזאַ ערנסטע און לעבעדיגע צייטונג פאר דיא ארבייטער אין לאָנדאָן, וויא דיא „אר־בייטער צייטונג“ איז געוועזען פאר דיא ארבייטער אין ניו יאָרק.

דערצו מוז זיא האבען מעהר שרייבערס, בע־זאָנדערס אַזעלכע וואס פערשטעהען צו שרייבען פאָפולער און צוציהען דיא מאַסע. וויא ווייט מיר קענען אורטהיילען פון דיא ערשטע 5 נומערן פון דער „נייער צייט“, וועלכע מיר האבען ער־האַלטען, נויטהיגען זיך אונזערע גענאָסען אין עכטע זשאַרגאָנישע שרייבערס און אויך אין אביסעלע, זאָ צו זאָגען, „אַמעריקאַניזמוס“. מיר מיינען דערמיט דיא ארט און וויזע פון שריי־בען, וויא דיא ערפאַהרונג און דיא נויטהווענדיג־קייט אריינצודרינגען אין דיא איינפאַכסטע קרייזען פון דיא אידישע ארבייטער האבען עס אונז געלערנט. נאַטירליך, אונזערע לאָנדאָנער קאָלעגען פערשטעהען דעם סאָציאַליזמוס אַזוי גוט וויא מיר און ווילען געוויס ניט ווייניגער פאר אונז בעלעהרען און אויפקלערען דיא אידישע ארבייטער. אָבער דיא גוטע כונה אליין איז נאָך ניט גענוג, מען דאַרף אויך פערשטעהען און זיך אנשטרענגען אויסצודריקען דיא געדאַנ־קען און צו ערקלערען דיא פראַגען וואס איינפאַ־כער און דייטליכער. אויך דאַרף מען זוכען צו בע־ריהרען אַזעלכע פראַגען, וועלכע זיינען נעהענטער צו דיא אַלגעמיינע און לאָקאַלע אינטערע־סען פון דיא אידישע ארבייטער. זאָנסט איז דיא גאַנצע ארבייט ארויסגעוואָרפען. דער בעסטער ארטיקעל פערליערט אָפט זיין ווירקונג צוליעב אַ פאָר דייטש־קלינגענדע פראַזען, זאָגאר צוליעב עטליכע דייטשע ווערטער, וועלכע מען קען גאַנץ לייכט אויסמיידען, ווען מען סטאַרעט זיך נאָר צו שרייבען אַ ריינעם זשאַרגאָן. מיר וויסען עס דאָ צו גוט פון ערפאַהרונג און מיר שטרעבען דארום, וויא ווייט דאס איז נור מעגליך, צו שרייבען וואס פערשטענדליכער, פראָסטער און אנציהענדער.

דיעזע שטרעבונג האט געפיהרט צו דעם זאַ־גענאַנטען אַמעריקאַנער זשורנאַליזמוס. מיר ווי־לען איהם ניט רעקאָמענדירען אין גאַנצען אונזע־רע לאָנדאָנער גענאָסען, דען ער איז ליידער פער־קראָכען צו ווייט אין סענסאַציאָנאַליזמוס; אָבער ער האט אונצווייפעלהאַפט גוטע זייטען, מיט וועלכע דיא ארויסגעבער פון דער „נייער צייט“ דאַרפען זיך בענוצען, אום צו האבען אַ בעסערען ערפאָלג אין אלע בעציהונגען.




# דיא גייסטיגע וועלט

## דער שיין פון חיות און פלאנצען.

אין דער „צוקונפט“ פון לעטצטען אָקטאָבער איז שוין איבערגעגעבען געווארן, אז דער פראנצויזישער געלעהרטער בלאָנדלאָ האָט ענטדעקט א גאנץ נייעם סאָרט שטראהלען, וועלכע ער האָט א נאָמען געגעבען N שטראהלען, ווייל ער האָט זיינע מערקווירדיגע עקספּערימענטען געמאכט אין דעם אוניווערזיטעט פון דער שטאָדט נאנסי. „וואס פאר א ראָלע זיי שפּיעלען אין דער נאטור, האָב איך דאן געשריעבען, בעזאָנדערס אין דער עקזיסטענץ פון חיות און פלאָנצען, דאס בלייבט נאָך צו זוכען. פיעלע געלעהרטע פיזיקער מאכען יעצט פּראָבעס מיט בלאנדלא'ס שטראהלען, וועלכע עפענען א נייעם פעלד אין דער נאטור־וויסענשאפט.“

ווען איך האָב דאָס געשריעבען, שטיצענדיג זיך איינפאך אויף דעם אלגעמיינעם פאקט, אז יעדע ערשיינונג אין דער נאָטור בלייבט ניט אָהן א געוויסער ווירקונג אויף דער ארגאַנישער וועלט און אז אין אלע ציוויליזירטע לענדער געפינען זיך פיעלע געלעהרטע נאכפארשער, וועלכע ארבייטען וויא ביענען צו טרייבען וואכ־שנעלער דיא ראָד פון גייסטיגען פּראָגרעס, האָט זיך מיר, דיא וואהרהייט צו זאגען, אפילו ניט געחלום'ט, דאס מען וועט אויסגעפינען, אז אונזער גוף, אזוי וויא אויך דיא קערפּערס פון פערשיעדענע חיות און פלאַנצען, לאָזען פון זיך ארויס אזעלכע שטראהלען.

אזוי איז עס אָבער; יא, מיר שיינען גאָר, אָבוואָהל מיר קענען ניט זעהען דיעזען שיין מיט אונזערע אויגען אונטער געוועהנליכע אומשטענדען! דאס האָט צוערשט בעוויעזען דער פראנצויזישער געלעהרטער אוגוסט שאַרפּאַנטיע אין דער צייט, ווען ער האָט נאָכגעמאכט איינינע פון בלאָנדלאָ'ס עקספּערימענטען.

מיר קענען זיך דאָ ניט ארייןלאָזען אין איינצעלהייטען, שוין איינפאך דאריבער, ווייל אין אונזער מאמע־לשון האָבען מיר ליידער קיינע טעכנישע ווערטער. מיר וועלען דאריבער אין קורצען איבערגעבען, וויא אזוי מען קען דערזעהען דיא ען־שטראהלען.

דער בעסטער און איינפאכסטער מיטעל דערצו איז צו געברויכען אזא שטאָף, וואס האָט דיא מעלה צו שיינען אין דער פינסטער, וויא פאָספאָר אדער וויא מען דערלאַנגט א רייב א שוועבעלע איבער א וואנד. דיעזער שיין הייסט פאָספאָרעסענץ. ביי זיינע פּראָבעס האָט בלאנדלאָ געברויכט אזא שטאָף, וואס טראגט אין דער כעמיע דעם נאָמען קאָלסיום סולפיד (דאס איז א בעהעפטונג פון שוועבעל מיט דעם מעטאַל קאלסיום, וועלכער געפינט זיך אין געוועהנליכע קאַלך) און וואס האָט דיא מעלה צו קריגען דעם פאספאָרעסענץ־שיין נאכדעם וויא מען האלט איהם א קורצע ווילע אונטער דיא זונען־שטראהלען. ווען מען בעדעקט א שווארצע שטיקעל פּאַפּיער מיט א פּיצעלע קאלסיום סולפיד, האָט מען אן אינסטרומענט אויסצוגעפינען ען־שטראהלען. מען קען זאָגען, אז דאָס איז א קינסטליכע אויג צו בעמערקען דיעזע שטראהלען, וועלכע מיר קענע זאָגסט גאָר ניט זעהען מיט אונזער נאטירליכען אויג; דען וויא נור דיא ען־שטראהלען

פאלען אויף דעם קאלכיום־כולפיד, הויבט אן דיעזער שטאף צו שיינען העללער. וואס שטאר־קער דיא ען־שטראהלען, אלץ ליכטיגער ווערט קאלכיום־סולפיד, נאטירליך אין א דונקעלען צימער.

נון, איצטער שטעלט זיך פאר, אז איהר שטערט אייער דיעזען קינכטליכען אויג לעבען דיא הויט פון אייער קערפער און אז איהר בע־מערקט דאן, וויא דער קאלכיום־סולפיד שיינט העלער — וואס וועט איהר שליעסען דערפון ? וועט אייך ניט אריינפאלען אין קאפ דער גע־דאנקען, טאמער לאזט גאר אייער קערפער ארויס געוויסע שטראהלען ? אום זיך צו איבער־ציינגען אין דעם, וועט איהר אויספרובירען קער־



דער ארטה אדיאגראף.

פערכ פון אנדערע מענשען, וויא אויך פון חיות און פלאנצען, און ווען איהר וועט בעמערקען דיא זעלבע ערשטוינענדע ערשיינונג, וועט איהר שוין האבען א רעכט אפען צו ערקלערען פאר דיא גאנצע וועלט, אז איהר האט בעוויעזען דאס ארגאנישע קערפערס לאזען פון זיך ארויס א געוויסען שיין.

דאס האט נעמליך שארפאנטיע געטהאן. אבער ניט א צופאל האט איהם געבראכט דערצו, זאנדערן נאך פראבעס מיט הארטע זאכען אונ־טער א געוויסען דרוק. אזעלכע זאכען לאזען גע־וועהנליך ארויס ען־שטראהלען. ער האט דא־רום גענומען נאכזוכען דיא ווירקונג פון מוס־קעלן, ווען מען דריקט זיי אדער מען בעוועגט זיי, און דיעזע פראבעס האבען עס איהם געפיהרט

צו דער ענטדעקונג, אז ארגאניזמען לאזען ארויס געוויסע שטראהלען. דיעזער שיין קומט אבער ניט פון דיא מוסקעלן, זאנדערן פון דיא **נערוועו**. אין דעם קען מען זיך גלייך איבערציינגען, ניט נור ווען מען דריקט צו א נערוו (דאן ווערט דער שיין גרעסער), זאנדערן ווען מען וואנדערט ארום איבער א גוף מיט דעם אויבען בעשריעבענעם קינסטליכען אויג. דאן זעהט מען, אז דיא ערטער פון אונזער גוף, וועלכע האבען מעהר נערוו־צענ־טערס, שיינען העלער. אונזער הארץ און אונזער קאפ שיינען אם מייסטען. מען קען אויף דיעזער וויזע בעשטימען, וואו עס געפינען זיך מעהר נערוועו ביי יעדען מענשען.

אנדערע געלעהרטע האבען באלד נאכגע־מאכט שארפאנטיע'ס פראבעס און האבען אויס־געפונען זעהר אינטערעסאנטע אייגצעלהייטען. דער געלעהרטער עדווארד מעיער האט כפעציעל נאכגעפארשט, וויא וויים קליינינקע בעשעפעני־כען און אויך פלאנצען לאזען ארויס ען־שטראה־לען. ניט אלע טהיילען פון א פלאנץ שיינען גלייך. צום ביישפיעל: בלעטער לאזען פון זיך ארויס מעהר שטראהלען וויא בלומען. א גרויסע וויסענשאפטליכע בעדייטונג האט דער פאקט, דאס אין דער צייט, ווען א זריעה הויבט אן צו וואקסען, ווערען דיא ען־שטראהלען שטארקער. זיי זיינען אלזא פערבונדען ניט נאר מיט דער טהעטיגקייט פון נערוועו, זאנדערן אויך מיט דעם געוואוקס פון ארגאניזמען, דאס הייסט מיט דעם **גאנצען פראצעס פון לעבען**.

ווייטער האָבען בלאָנדלאָ און שארפּאנטיע בעוויעזען, אז דיא ען־שטראהלען שפּיעגלען זיך אָב און ברעכען זיך עהנליך צו זונען שטראהלען. בלאָנדלאָ האָט זאָגאר בעשטימט דעם ווינקעל פון זייער ברעכונג. דערצו האָט ער זיך בענוצט מיט א פּריזמע, אבער ניט פון גלאָז וויא פאר זונען שטראהלען, זאָנדערן פון אלומיניום, ווייל דיעזער מעטאל איז פאָלשטענדיג דורכזיכטיג פאר דיא ען־שטראהלען. ווען דיא ען־שטראהלען פאלען אויף אן אלומיניום פּריזמע, ברעכען זיי זיך דאָרט איבער (דאס הייסט זיי נעהמען אן אנדער ווענדונג, וויא, צום ביישפּיעל, א שטעקעלע אין וואסער, וואס ווערט בעליכטען פון געוועהנליכע זונען שטראהלען). ווען מען שטעלט אוועק הינטער אזא פּריזמע א שמאָלען פּאסיק פון קאלסיום סולפיד, צייגט ער אן דורך א פערגרעסערונג פון זיין שיין דעם וועג פון דיא ען־שטראהלען, ווען זיי מארשירען ארויס פון דער פּריזמע, מיט דער הילפע פון געוויסע אינסטרומענטען האָט בלאנדלא אויסגערעכענט, ווי פיעל זיינע שטראהלען ברעכען זיך און וויא וויט זיי אונטערשיידען זיך פון דיא זונען־שטראהלען.

נאָך א סך פערשיעדענע פּראָבעס האָט שארפּאנטיע אויך ענטדעקט, אז דיא שטראהלען, וואס מענשען, חיות און פלאנצען לאָזען פון זיך ארויס אונטערשיידען זיך אין געוויסע פונקטען פון דיא ען־שטראהלען. דער וויכטיגסטער אונטערשיעד איז פארלויפיג דיעזער, דאס וועהרענד אלומיניום איז פאלשטענדיג דורכזיכטיג פאר ען־שטראהלען, פערהאלט ער געוויסע שטראהלען וואס אָרגאניזמען לאָזען פון זיך ארויס. אפילו א בלעטעל אלומיניום, וואס איז א 50טעל צאָלל דין, לאָזט שוין ניט דורך א טהייל פון דיא שטראהלען, וואס אונזער קאָפּ לאָזט פון זיך ארויס. דיא שטראהלען, וואס מארשירען דורך דיזע דינע אלומיניום ווענטעל, ווערען שוין ווייטער ניט פערהאלטען, ווען מען שטעלט זיי אנטקעגען א נייע אלומיניום ווענטעל, וואס זיא איז זאָגאר א צאָלל דיק. דיעזע שטראהלען זיינען עס דיא ריכטיגע ען־שטראהלען. אבער דיא שטראהלען פון הארץ ווערען כמעט גאָר ניט פערהאלטען פון אלומיניום ווענטלאך. דערפון מוז מען דרינגען, אז דיא שטראהלען, וואס ווערען ארויסגעלאָזען פון אונזער מארך און פון אונזער הארץ זיינען פערשיעדען.

דיא מעלות פון דיא ען־שטראהלען און פון דיא שטראהלען וואס אונזערע נערווען לאָזען ארויס פון זיך, זיינען נאָך פערשיעדען אין אנדערע הינזיכטען, וויא דיא לעצטע פּראָבעס פון געלעהרטע צייגען עס. אבער מיר קענען זיך ניט אבגעבען מיט אזעלכע ספּעציעלע איינצעלהייטען. פאר אונז איז אייגענטליך גענוג צו פערשטעהן, ווי אזוי מען איז דערגאנגען צו ענטדעקען אזא וויכטיגען און ערשטוינענדען סוד פון דער נאַטור, דאס מיר און אלע חיות און פלאנצען לאָזען פון זיך ארויס שטראהלען.

אונגעהויער וויכטיג און אינטערעסאנט זיינען אויך דיא פּראָבעס וואס דער געלעהרטער דע־לעפינעי האָט געמאכט מיט דיא ען־שטראהלען. דער פאקט, דאס ווען מען דריקט אדער מען בויגט א זאך, לאָזט זיא פון זיך ארויס ען־שטראהלען, האָט איהם ארויפגעבראכט אויף דעם געדאנקען צו פּרובירען, אויב דאס זעלבע איז ניט דער פאל, ווען מען לאָזט ארויס קלאנגען. פאר זיינע פּראָבעס האָט ער געברויכט א קאמערטאָן, א גלעקעל אין א מעטאלענעם צילינדער, וואס איז געהאנגען אויף צוויי שנירלאך. ביי יעדען קלאפּ מיט א האמערל האָט ער בעמערקט, וויא דער קאלסיום סולפיד פאנגט אן צו שיינען העלער, וואס עס איז א קלאָרער בעווייז, אז דיא ען־שטראהלען ווערען ארויסגערופען דורך דעם קלאנג אין בעוועגונג. אפילו ווען מיר ריידען מיט א הויכע שטימע, ווערען דיא ען־שטראהלען שטארקער. דאס האָט אויך שארפּאנטיע אויסגעפונען. יעצט אונטערזוכט ער, וויא וויט אונזער דענקען פערשטארקט דיא ען־שטראהלען.

איך וויל קיין נביא ניט זיין, נאָר איך וועל זיך גאָר ניט וואונדערען, ווען מען וועט מיט דער צייט אויסגעפינען מיט דער הילפע פון ען־שטראהלען אן אינסטרומענט צו מעסטען אונזער דענקענדע קראפט, צו פערצייכענען שוואַרץ אויף ווייס, ווער עס איז א חכם און ווער א נאַר...

---

## דער אָרטהאָדיאַגראַף.

דערווייליע וועל איך דאָ ברענגען א צייכנונג פון א נייעם אינסטרומענט, וואס דיא דייטשע „אלגעמיינע עלעקטריציטעטס־געזעלשאפט“ האָט אויסגעשטעלט אין בערלין און וואס דיענט אפצומעסטען דיא פאָרמע און דיא גרויס פון אונזערע אינערליכע אָרגאנען. ער הייסט אָרטהאָדיאַגראַף און בעשטעהט פון אן אפּאראט, וואס ווארפט רענטגען־שטראהלען אויף דעם קערפער. דיעזע שטראהלען פאטאגראפירען נאכהער דיא טהיילען פון דעם גוף, וועלכע מען אונטערזוכט. מיט דער הילפע פון דעם זעלבען אפּאראט קען מען ניט נור דערזעהען פרעמדע זאכען אין גוף, צום ביישפּיעל, שטיקלאך פון א קויל, זאָנדערן אויך אָפּמעסטען, וויא גרויס זיי זיינען. מיט איין וואָרט, מען קען יעצט קוקען דורך א מענשען, אזוי וויא ער וואָלט בעשטאַנען פון גלאָז.

(בעטראַכט דיא בייליעגענדע צייכנונג.)

## דער פערספעקטאַרטיגראַף.

דער שווייצער אָטאָ עיכענבערג איז דער ערפינדער פון אן אינסטרומענט, וועלכער דיענט צו צייכנען פון דער ווייטענס פערשיעדענע זאַכען. וויא דיא צייכנונג צייגט, איז דער אינסטרומענט א גאַנץ איינפאכער. ער בעשטעהט



דער פערספעקטארטיגראַף.

פון א רעכטעקע, וואס מען קען צוזאמען לעגען און פאנאנדער נעהמען. ווען מען נעהמט פאנאנדער דיא קעסטעלע, בלייבט פלאטץ צו לעגען א שטיקעל פאפיער, אויף וועלכער מען פיהרט מיט א בליישטיפט אדער א שפּיץ, וואס איז פערבונדען מיט א מעכאניזמוס אויבען לעבען דעם פונקט, וואו עס איז אריינגעשטעלט א טעלעסקאָפּ, דורך וועלכען מען קוקט אויף דיא זאכען אין דער ווייטענס. דער טעלעסקאָפּ פערגרעסערט 10 מאָל א זאך און ערלויבט צו זעהען נאָהענט לאנדשאפטען, געביידעס, בערג, א. ז. וו., וואס ליגען גאנץ ווייט. ווען מען בעוועגט דעם טעלעסקאָפּ, אום צו זעהען יעדען פונקט פון, לאָמיר זאָגען, א געביידע, בעוועגט זיך אויף דער בליישטיפט, וועלכער פערצייכענט יעדע בעוועגונג אין ליניעס. עס קומט אזוי אויס, אז דער טעלעסקאָפּ צייכענט פערספעקטיווען. אום צו קענען בענוצען דיעזען אינסטרומענט, ברויכט



מען ניט א סך צייט צו פערליערען. נאָך עטליכע איבונגען קען יעדער פערצייכנען אזעלכע לאנדשאפטען, וויא דער ערפינדער זעלבסט האָט עס געטהאָן, ווען ער האָט אראבגענומען א פערספעקטיווע פון א געוויסען אָרט אין דער שטאָדט גענף, וויא אויף ביילעגענדער צייכנונג.

## א פּאָאר ווערטער וועגען ערפינדונגען.

יעדען יאָהר ווערען אין אלע ציוויליזירטע לענדער ארויסגענומען פאטענטען אויף צעהנדליגע טויזענד ערפינדונגען. ניט אַלע פון זיי האָבען אָבער א פראַקטישען ווערטה, און ניט אלע, וואס קענען האָבען א פראקטישען ווערטה, ווערען געברויכט אין דער היינטיגער געזעלשאפט. יעדע ענטדעקונג אין דער וויסענשאפט רופט גלייך ארויס א רייהע ערפינדונגען, און יעדע נייע ערפינדונג פיהרט צו אויסבעסערונגען. עס איז אן אונענדליכע קייט, וועלכע פיהרט צו א שנעלען פראָגרעס אין אַלע צווייגען פון פראָדוקציאָן און צו בעקוועמליכקייטען אין לעבען.

נאטירליך, אין דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט זיינען פיעלע ערפינדונגען, וועלכע ערלייכטערען דעם מענשענס ארבייט, א פלוך פאר דעם ארבייטער קלאַס. א נייע, לאָמיר זאָגען, וועב־מאשינע אדער גלאָז־בלאָזענדע מאשינע פערנעהמט דעם פלאטץ פון פיעלע פראלעטאריער, וועלכע בלייבען דורך דעם אָהן בעשעפטיגונג און אהן ברויט. דאס וויים יעדער, אבער ניט אַלע וויסען, אז מען האָט שוין ערפונדען א

סך אזעלכע ארבייט־ערשפּארענדע מאשינען, וועלכע ווערען ניט געברויכט איינפאך דאריבער, ווייל עס לוינט זיך ניט דיא קאפּיטאליסטען, ווייל עס קאָסט בּיליגער צו בעשעפטיגען אר־בּייטער. זאל, צום ביישפּיעל, היינט ווערען בּיליגער צו פּוצען שטיעפעל מיט מאשינען, וועט מען מארגען אנפאנגען צו פּראדוצירען אזעלכע מאשינען.

איך ברענג דעם בּיישפּיעל מיט פּוצען שטיפעל און רייד דאָ אין אלגעמיינען וועגען דיא ערפינדונגס פעהיגקייט פון מענשען, ווייל דיא קאפּיטאליסטען געבּרויכען אויך געגען דעם סאָציאליזמוס אזא ארגומענט: ווער וועט טהאָן דיא פּראסטע ארבייט, ווער וועט, צום ביישפּיעל, פּוצען דיא שטיפעל אין דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט?

שרעקט זיך גאָר ניט דערפאר; זאָל נאָר דיא קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט\אבגעשאפט ווערען, וועט איהר זעהען, וויא מיר וועלען איינפאך פערפליצט ווערען פון מאשינען צו פערשפּאָרען אונז אָט דיא אלע פּראָסטע, אונאנגענעהמע און שעדליכע ארבייט, וואס פּראלעטאריער זיינען געצוואונגען צו טאָן, אום צו דערהאלטען דיא נשמה אין גוף, וואו מען וועט זיך נאָר א קעהר טהון, וועט מען געפינען מאשינען צו ארבייטען פאר אונז און צו ערלייכטערן אונזער לעבען.

עס זיינען אויך דאָ זאָנדערבארע ערפינדונגען. צום ביישפּיעל, טאָמער זייט איהר פויל זיך אויפצוהויבען און אנצינדען דעם אויווען, אום אייבּצוקאָכען קאַפע, וויא נאָר דער וועקער הויבּט אן צו קלאַפּען, קענט איהר זיך שוין בענוצען מיט אזא ערפינדונג פון אן אמעריקאנער אינזשיניער, וויא אויף פאָלגענדער צייכנונג:



דאס איז איינפאך א זייגער מיט א וועקער, וועלכער איז דורך א געוועהנליכען מעכאניזמוס פערבונדען מיט א קעסטעלע שוועבעל לעבען אויווען. אין דער צייט, ווען דיא רעדעלע פון וועקקער דרעהט זיך, ציהט זיך ארויס א הענטעל אויף א ספּראָנדזשינע און רייבּט אן א שוועבעלע גראדע, ווען אן אנדער הענטעל עפענט דעם גאז, וועלכער ווערט אנגעצונדען פון פלאם.

ווען איהר האָט ניט פערגעסען אלעס אנצוגרייטען פאר אייער פריהשטיק איידער איהר האָט זיך געלעגט שלאָפען, קענט איהר זיך גאנץ רוהיג פּעסצען אין בעט ביז דער פייער, וואס אייער וועקער האָט אנגעצונדען, וועט אויפטאָן זיין ארבייט.

פּ. קראנץ.

# שווינדזוכט, איהרע אורזאכע און פערהיטונג

שווינדזוכט איז איינע פון דיא פערברייטעסטע קראַנקהייטען. אום צו האבען א אידעע פון איהר פערברייטונג, איז גענוג צו וויסען, אז א זיעבענטעל פון אלע טויט־פאלע ווערט פע־אורזאכט פון איהר.

ניט אומזיסט האט מען דיעזער קראנקהייט א צונאמען געגעבען: „דיא ווייסע פּלאגע". זיא האט זיכערליך צושטערט מעהר מענשליכע לעבענס, וויא אלע עפּידעמיען צוזאמען. נאך מעהר ייא אלע אנדערע קראַנקהייטען, בעפאלט דיא שווינדזוכט אם ליעבסטען דיא ארבייטער־קלאַסע, ניט ווייל זיא האט א בעזאָנדערע ליעבע צו דעם ארבייטער, אויך ניט ווייל דער ארבייטער האט איהר ליעב, נור איינפאך דארום, ווייל דער זשערם (שרש) וואס פעראורזאכט די קראַנקהייט און וואס טראָגט דעם נאָמען „טובערקעל־באַציללוס", קען נור געדייהען און זיך פערמעהרען אונטער געוויסע בעדינגונגען, און גראדע דיעזע בעדינגונגען געפינט ער אם מייסטען אונטער דער ארבייטער קלאַסע.

מען האָט, צום ביישפּיעל, דורך עקספּערימענטען (פּראָבעס) אויסגעפונען, אז קעלט קען דעם טובערקעל־באצילוס ניט צושטערען. מען האָט איהם געהאלטען 42 טעג אין א קעלט פון

איבער 180 גראד און דאך האט עס איהם גאר ניט געשאדט. אין גענענטהייל, דיא שטראהלען פון דער זונן זיינען טוידטליך פאר איהם. עטליכע שטונדען זוננען־ליכט מאכען פון איהם א סוף. ווען איהר ווייסט דאס, וועט איהר שוין פערשטעהען, ווארום דער באצילוס זוכט זיך אויס ארבייטער וואהנונגען. דארט האט ער גענוג קעלט אין ווינטער און דארף אויך ניט מורא האבען פאר צופיעל זוננען־ליכט.

אויף דער ענטוויקלונג פון דעם באציללוס האט אויך א גרויסען איינפלוס דיא לופט: וואס פערשטיקטער זיא איז, אלץ מעהר טשאנסען האט דער באצילוס; וואס ריינער זיא איז, אלץ מעהר שאנסען האבען מיר. א געלעהרטער האט אויסגערעכענט, וויא פיעל פאמיליעס אין לאנדאן האבען איין צימער פאר זייער וואהנונג, וויא פיעל האבען צו צוויי, צו דריי, צו פיער און אזוי ווייטער, און וויעפיעל שווינדזיכטיגע ער האט געפונען צווישען דיעזע פאמיליעס. דער רעזולטאט פון זיינע אונטערזוכונגען איז, אז דיא צאהל פון שווינדזיכטיגע פערמעהרט זיך אין פערקעהרטער פראפארציאן צו דיא צאהל פון צימער, אין וועלכע א פאמיליע וואהנט. מיט אנדערע ווערטער: וואס וועניגער צימער א פאמיליע האט פאר איהר וואהנונג, אלץ מעהר שאנסען האט זיא צו בעקומען שווינדזוכט. אין שטעדט, וואו מען וואהנט גערדיכטער, וואו דיא לופט איז ניט אזוי ריין, וואו דיא זונן קוקט ניט אריין אין יעדען ווינקעלע פון דער וואהנונג, פאבריק, קראם א. ז. וו. איז דיא שטערבליכקייט דורך שווינדזוכט גרעסער וויא אין קליינע שטעדטלעך און דערפער.

פון יעדע 100.000 בעפעלקערונג זיינען געשטארבען פון שווינדזוכט אים יאהר 1900:

אין דיא שטעדט — — — — — — — — 204

אין לאנד (דערפער) — — — — — — — 134

דאס ערקלערט אויך, ווארום מאנכע בעשעפטיגונגען שטעלען צו וועניגער אפפער פאר שווינדזוכט, וויא אנדערע. דיא ציעגעל מאכער, צ. ב., וואס זייער ארבייט איז מייסטענס אין דער פרישער לופט, ליפערען דריי מאל וועניגער קאנדידאטען פאר שווינדזוכט, וויא דיא שריפטזעצער, בוכבינדער, הוטמאכערס, א. ז. וו., וואס פערברייננגען גאנצע טעג אין פערשטיקטע שעפער.

אין דער בעטראכטונג פון דיא אורזאכען פון שווינדזוכט מוזען מיר בעריהרען דעם פונקט וועגען דיא ווידערשטאנדס־קראפט, וואס יעדער ארגאניזמוס בעזיצט געגען פערשיעדענע קראנקהייטען. ווען דער באצילוס גרייפט אן דעם מענשען, איז א פראגע, ווער וועט זיין דער זיגער; דער באצילוס אדער דער מענש. אום צו האבען א גוטע ווידערשטאנדס־קראפט, מוז דער מענש צוערשט זיין אין א גוטען, געזונדען צושטאנד; ער דארף ניט זיין אויסגעמאטערט, אויסגעהונגערט, אויסגעדארט. דער צענזוס פון 1900 אין דיא פעראייניגטע שטאאטען גיט זעהר אינטערעסאנטע ציפער, וועלכע אילוסטרירען דיעזען פונקט:

פון יעדע 100.000 בעפעלקערונג שטארבען פון שווינדזוכט:

געבארענע אמעריקאנער — — — — — 1[illegible]

פרעמדע — — — — — — — — — — 244

פון וואנען קומט דיעזער גרויסער אונטערשיעד? פון דעם וואס דיא היער־געבארענע לעבען דורכשניטליך בעסער וועהרענד פרעמדע נעבעך דארפען זיך מייסטענס פלאגען, אום צו מאכען א לעבען. ——: :——

מיר ווייסען יעצט דיא בעדינגונגען, אונטער וועלכע דער טובערקעל־באצילוס קען זיך אם בעסטען ענטוויקלען. לאמיר יעצט זעהען, אויף וועלכען וועג רייסט ער זיך אריין אין דעם מענשליכען קערפער.

דיא וועגען זיינען זעהר פערשיעדען. ערשטענס, קענען מיר איהם אריינקריעגען מיט דער לופט, וואס מיר אטהמען, ווען דיעזע לופט ענטהאלט אין זיך דיא באצילען. צווייטענס, קענען מיר איהם ארונטערשלינגען מיט דער שפייז, ווען דיא שפייז איז דורכגעמישט מיט דיא באצילען.

ביז ניט לאנג האט מען געמיינט, אז עס איז א גרויסע געפאהר צו קריעגען דיא שווינדזוכט פון שווינדזיכטיגע פיה, ווען מען געברויכט זייער מילך און זייער פלייש. אבער מיט צוויי יאהר צוריק איז דער בעריהמטער פראפעסאר קאך, דער ענטדעקער פון טובערקעל באצילוס, ארויסגעטראטען געגען דיעזע מיינונג, און דיא פראגע איז נאך דערווייל ניט פערענטפערט. יעדענפאלס איז דיא שטערבליכקייט דורך שווינדזוכט פון קינדער, וואס ווערען אויפגעהאדעוועט אויף קוה־מילך, אונגעהייער גרויס. אין פאריז אליין שטארבען פון דיעזער אורזאכע איבער 2000 קינדער יעהרליך. נאטירליך, דענקט מען אז דיא מילך מוז קומען פון שווינדזיכטיגע קיה.

אן אנדער וועג פאר דעם באצילוס איינצו־

דרינגען אין דעם קערפער איז דורך דיא הויט, ווען זיא איז פערוואונדעט. עס זיינען בעקאנט מאנכע פעלע, ווען מען האט אנגעשטעקט קינדער מיט שווינדזוכט ביי א ברית מילה דורך דיא מציצה.

———:———

קען שווינדזוכט איבערגעגעבען ווערען בירושה? קענען שווינדזיכטיגע עלטערען איבער־געבען דיא מגפה צו זייערע קינדער, איידער דיא לעצטערע ווערען נאך געבארען? דאס איז א פראגע, וועגען וועלכע דיא געלעהרטע האבען פערשיעדענע מיינונגען. דיא מייסטע פון זיי קומען מעהר און מעהר צום שלום, אז שווינד־זוכט איז ניט א קראנקהייט בירושה, זאנדערען איין ערווארבענע. איי אבער מיר זעהען דאך, אז קינדער פון שווינדזיכטיגע עלטערען ווערען מייסטענס אליין קאנדידאטען פאר שווינדזוכט? ערקלערט זיך דאס דורך דעם, וואס זיי ווערען אויפגעבראכט אונטער דיעזעלבע בעדינגונגען, וויא זייערע עלטערען און האבען דיא בעסטע געלעגענהייט זיך אנצושטעקען מיט דער קראנק־הייט פון דיא עלטערען. וואלט מען אבער דיא קינדער אוועקגענומען פון דיא קראנקע עלטערען און זיי אויפגעהאדעוועט אין געזונטערע פער־העלטניסע, איז קיין צווייפעל ניטא, אז זיי וואלטען עבענזא וועניג שאנסען געהאט צו בע־קומען דיא שווינדזוכט, וויא קינדער פון פאל־קאמען געזונדע עלטערען.

———:———

מיר קענען יעצט דיא אורזאכען, מיר קענען דיא וועגען, אויף וועלכע דיא שווינדזוכט ווערט פערברייטעט. לאמיר יעצט בעטראכטען דיא מיטעל, וויא אזוי דיא קראנקהייט צו פערמיידען אדער אין גאנצען אויסצוראטען.

דיעזע מיטעל זיינען פון צווייערליי נאטור: אלגעמיינע און ספעציעלע.

דיא אלגעמיינע מיטעל דארפען שטרעבען אבצושאפען אלע אומשטענדען, וואס זיינען גינ־סטיג פאר דיא פערברייטונג פון שווינדזוכט. אום דאס אויסצופיהרען, מוז ד י א ל א ג ע פ ו ן ד ע ר א ר ב י י ט ע ר ק ל א ס ע פ ע ר־ב ע ס ע ר ט ו ו ע ר ע ן. דער ארבייטער מוז פערדיענען גענוג צו זיין אין שטאנדע צו לעבען אין געזונדערע פערהעלטניסע. דיא פערפעסטע־טע טענעמענטס, דיא הינטערגעסלאך, וואו דיא זוננען־שטראהלען שעהמען זיך אפילו א בליק צו געבען, מוזען אונבעדינגט אבגעשאפט ווערען. דיא וואהנונגען, דיא שעפער און דיא פאבריקען מוזען אויף אזא וויזע געבויעט ווערען, אז דיא זונן און פרישע לופט זאלען דורכדרינגען יעדען ווינקעל. דיא ארבייטס צייט מוז פערקירצט ווער־רען, אום דיא ווידערשטאנדס קראפט פון דעם ארבייטער צו פערגרעסערען. צו דעמזעלבען צוועק מוז קינדער ארבייט אבגעשאפט ווערען, וויל דאס פריהצייטיגע אריינטרעטען פון קינ־דער אין דיא פאבריקען פיהרט זיי מייסטענס צו א זיכערען טויט דורך שווינדזוכט.

דאס זעלבע איז אויך וועגען פרויען ארבייט. דיא שטערבליכקייט דורך שווינדזוכט אונטער פרויען, וואס זיינען בעשעפטיגט אין שעפער און פאבריקען איז פיעל גרעסער וויא אונטער מענער. פאלגענדע רעכנונג גיט אונז וועגען דעם דער יונייטעד סטייטס צענזוס פון 1900:

פון 1138 פערשטארבענע פרויען, וואס זיי־נען געוועזען בעשעפטיגט אין וועבערייען, זיינען 356 געשטארבען פון שווינדזוכט, דאס הייסט א ד ר י ט ע ל. דאס זעלבע געפינען מיר אונ־טער דיא סטענאגראפינען: פון 248 פערשטאר־בענע זיינען 84 געווען אפפער פון שווינדזוכט; אונטער סיגארמאכערינען (55 פון 163), אונטער בוכהאלטערינען (265 פון 788), אונטער דרעס־מייקערס (787 פון 2965), אונטער מעדכען וואס זיינען בעשעפטיגט אין טעלעגראף און טעלע־פאן קאנטארען (31 פון 81).

אויב איך זאל אנרופען אזא צושטאנד מיט דעם נאמען שלאכטעריי, בין איך איבערצייגט, אז איך האב געברויכט זעהר א מילדען אויס־דרוק.

קען דיא יעצטיגע געזעלשאפט, דיא קאפי־טאליסטישע, אבשאפען אלע דיעזע צרות, וועלכע פיהרען צו שווינדזוכט? און ווען זיא זאל שוין קענען, בלייבט דיא פראגע, ו ו ע ט זיא עס טהאן? ניין, זיא קען עס ניט און וועט עס ניט טהאן — אזוי מוז זיין דיא אנטווארט.

וואס טרייבט פרויען און קינדער אין דיא שלאכטהייזער, איך מיין אין דיא פאבריקען? פון פערגעניגען געהען זיי אהין געוויס ניט. דיא ביטערע נויט צווינגט זיי דערצו. געוועהנליך קריעגט דער זאגענאנטער „פאמיליען־ערנעה־רער" ניט גענוג צו ערנעהרען זיין פאמיליע. וואס עס איז ניט געווען מעגליך מיט א יאהר 50 צו־ריק, ווען דיא ארבייטסמיטעל זיינען ניט גע־וועזען ענטוויקעלט וויא יעצט דורך מאשינען, ווען דיא מייסטע מלאכות האבען געפאדערט פיעל איינפאכע מוסקעל־קראפט, וואס עס האט אויס־געשלאסען קינדער און פרויען ארבייט, איז יעצט

פארקעהרט: די מאשין האט אויך אזוי פיעל פערלייכטערט און פעראיינפאכט די ארבייט, אז עס לוינט זיך ניט דעם קאפיטאליסט, דעם אייגענטהימער פון די מאשינען, צו בעשעפטיגען ערוואקסענע מענער און צאהלען זיי מעהר פאר די ארבייט, וואס א קינד אדער מעדכען קען מאכען פאר א העלפט אדער א דריטעל פרייז. קען מען ערווארטען עטוואס אנדערעס, זאלאנג די יעצטיגע סיסטעם פון פריוואט אייגענטהום אויף מאשינען מיט איהר שטענדיגער יאגענעס נאך פראפיטען וועט ניט אבגעשאפט ווערען?

אום צו לעבען א ווירדיגען געזונדען לעבען, מוז דער ארבייטער בעקומען דען פולען פראדוקט פון זיינע ארבייט, ניט א קליינעם טהייל דאפון, וויא עס איז יעצט דער פאל. דאס איז אבער מעגליך דאן, ווען אלע אינדוסטריען, אנשטאט צו געהערען איינצעלנע פערזאנען, וועלען זיין דאס אייגענטהום פון דעם גאנצען פאלק. דאן וועט א מענש בעטראכטעט ווערען אלס א מענש, ניט אלס א טהייל פון א מאשין וויא יעצט. נור דאן וועט א מענשליכעס לעבען האבען זיין פולען ווערטה און וועט ניט זיין אזוי ביליג וויא יעצט.

אז נור אויף דיעזען וועג און ניט קיין אנדערען קען מען אויסראטען דען גרעסטען פיינד פון מענשליכען געשלעכט — די שווינדזוכט; אז דאס איז ניט בלויז א טהעאריע, זאנדערען א טהאטזאכע, בעווייזען די פאלגענדע ציפערען פון יונייטעד סטייטס צענזוכען פון 1890 .1900

אין דיעזע צעהן יאהר האבען די ארבייטער, דורך די מאכט פון זייערע ארגאניזאציאנען און אייניגקייט, געצוואונגען די סטייט־רעגיערונגען צו געבען זיי געוויסע פאבריק־שוץ־געזעצע; מען האט אויך אנגעפאנגען אויפצופאסען אויף די סאניטערע (געזונדהייטס) צושטענדע פון די שעפער און פאבריקען. די שטאט־פערוואלטונגען האבען אנגעפאנגען צו זאגען אלין א גרעסערע דעה, וויא צו בויען די טענעמענט־הייזער. אויך איז עס געלונגען די ארבייטער אין דיעזע צעהן יאהר צו פערקירצען די ארבייטסצייט אין פיעלע בעשעפטיגונגען. און וואס איז דער רעזולטאט פון דאס ביסעל געזעצגעבונג צו גונסטען פון די ארבייטער? דאס צייגען אונז פאלגענדע ציפערען:

אין 1890 זיינען פון יעדע 100.000 מענשען 265 געשטארבען פון שווינדזוכט; צעהן יאהר שפעטער, אין 1900, זיינען נור 204 געשטארבען פון דערזעלבער צאהל.

דאס ביסעל געזעצגעבונג, גינסטיג פאר די ארבייטער, האט אלזא פון יעדע 100,000 פערזאן פערהיט 61 פון שווינדזוכט. דאס איז א קלארער בעווייז וואס די ארבייטער וואלטען געקענט אויפטהאן, ווען זיי וואלטען געהאט די פאליטישע מאכט אין זייערע אייגענע הענד, אנשטאט אויף דעם דומסטען אופן איבערצוגעבען דיעזע מאכט אין די הענד פון זייערע ביטערסטע שונאים — די קאפיטאליסטען.

- - - : - . -

דאס אלעס איז גוט אין דער צוקונפט, וועט דער לעזער בעמערקען, וואס טהוט מען אבער יעצט, אום זיך און אונזערע נעהנטעסטע צו פערהיטען פון שווינדזוכט?

אן אנטווארט אויף דיעזע פראגע וועלען מיר געפינען אין די ספעציעלע מיטעל, וועלכע מען קען און מען מוז פראקטיצירען יעצט.

וויא איך האב שוין פריהער בעמערקט, איז שווינדזוכט אן אנשטעקענדע קראנקהייט, וואס ווערט פעראורזאכט פון א באצילוס. דיעזער באצילוס איז אזוי קליין, אז אין יעדען ברעקעל פון די שפייעכץ, וואס דער שווינדזיכטיגער הוסט ארויס, געפינען זיך מיליאנען פון דיעזער בעשעפענים. זאלאנג די שפייעכץ איז פייכט, איז נאך קיין געפאהר פערהאנדען אז די באצילען זאלען אריינקומען אין דער לופט. ווערט אבער די שפייעכץ אויסגעטריקענט און מען הייבט אן צו קעהרען דעם צימער, ווערען די באצילען צוזאמען מיט דעם שטויב אריינגעשלעפט אין דער לופט, און די וואס וואהנען אין דיעזען צימער האבען א גוטען שאנס איינצואטהעמען זיי מיט דער לופט.

איהר האט וואהרשיינליך בעמערקט, אז מחנות פליעגען זאמלען זיך ארום שפייעכץ און מאכען פון דעם א גאנצען מאכל. אויב זיי קריעגען פון דעם די שווינדזוכט, ווייס איך ניט, און דאס איז ניט וויכטיג. וויכטיג אבער איז, אז מיט זייערע פיס פערשלעפען זיי א טהייל פון די שפייעכץ און פערטראגען עס אין אנדערע פלעצער. אויף אזא ארט פערשפרייטען זיי די שווינדזוכט. דאס איז וויעדער ניט קיין טהעאריע, זאנדערען א טהאטזאכע. מען האט אונטערזוכט פליעגען פון א צימער, וואו א שווינדזיכטיגער פלעגט שפייען גאנץ פריי ארום זיך, און אויך האט מען אונטערזוכט פליעגען

פון אַ צימער פון געזונדע מענשען. אין דיא ערשטע האָט מען געפונען טובערקעל־באַצילען ניט נור אויף זייערע פיס, זאָנדערען אויך אין זייערע מאָגענס, געדערים און עקסקרעמענטען; אין דיא לעצטערע אָבער האָט מען קיין איינצעלנען באַצילוס ניט געפונען.

דערפון וועט דער לעזער פערשטעהען, וויא וויכטיג עס איז צו צערשטערען דיא שפּייעכץ פון אַ שווינדזיכטיגען. דאָס קען מען דערגרייכען אויף פערשיעדענע וועגען. דער שווינדזיכטיגע מוז זיין שפּייעכץ זאַמלען אין אַ ספּעציעלע כלי, וועלכע זאָל זיין האַלב אנגעפילט מיט וואַסער. אדער נאָך בעסער מיט קאַרבאָל־וואסער. עטליכע מאָל אין טאָג מוז דיא כלי אויסגעלעערט ווערען אין וואָטער־קלאָזעט און יעדעס מאָל אויסגעשווענקט ווערען מיט זודיגע וואסער. אַן אַנדער מיטעל בעשטעהט אין דעם, דאָס דער קראנקער שפּייט אין קליינע טיכלעך אָדער אין יאַפּאַנעזישע פּאַפּיער וואָס ווערט גלייך פערברענט. שווינדזיכטיגע מוזען אויך אין אַכט נעהמען, דאָס ווען זיי הוסטען זאָלען זיי פערשטעלען מיט עטוואָס זייער מויל, ווייל ביים הוסטען פליהען ארויס קליינע שטיקלעך פון שפּייעכץ אָנגעלאָדען מיט באַצילען. דער קראַנקער מוז האָבען און געברויכען זיין אייגענע עסגעצייג: טעלער, לעפעל, גאבעל, מעסער. ער זאָל אויך האָבען זיין אייגענעם בעט און וואו מעגליך אַ בעזונדערען צימער. ווען מען היט זיך אָפּ אויף אַזאַ וויזע, איז דיא געפאהר זיך אָנצושטעקען פון שווינדזוכט זעהר קליין.

יעצט וועט דער לעזער פערשטעהען, וואָרום מאַנכע באָארד אָוו העלטס (סאַניטארע ביוראָס) רעכענען עס פאר אַ פערברעכען און לייגען ארויף אַ שטראָף פאר שפּייען אין דיא קארס און אין עפענטליכע פלעצער. צוליעב דיא זעלבע אורזאַכע פערלאַנגט מען אויך פון דאָקטוירים צו לאָזען וויסען פון יעדען שווינדזיכטיגען, אום דיא מעגליכקייט צו האָבען אויסצרויכערען דיא וואָהנונג, ווען דער שווינדזיכטיגער פערלאָזט איהר, און צו צערשטערען אויף אַזאַ וויזע דיא איבערגעבליעבענע באַצילען.

——::——

דאָס איז אַלעס צום נוצען פון אַנדערע. וואָס זאָל אָבער דער קראַנקער אַליין טהאָן, ווען ער קריעגט דיא שווינדזוכט? פריהער פאַל אַלץ זאָל ער ארויסשלאָגען פון קאָפּ דעם געדאַנק, אַז שווינדזוכט איז אונהיילבאַר. דיעזע מיינונג, וועלכע איז זעהר פערברייטעט, איז ניט אין גאַנצען ריכטיג. אַ פערלאָזענע שווינדזוכט איז טאַקע אונקורירבאַר, אָבער שווינדזוכט אין אַנפאַנג איז פאָלשטענדיג היילבאַר. מעדיצינען שפּיעלען דאָבּיי דיא קלענסטע ראָלע. דיא הויפּט־ראָלע שפּיעלען **היגיענישע מיטעל**. פרישע לופט טאָג און נאַכט, וואָס מעהר זונענליכט, גוטע, פרישע נאַהרונגס־מיטעל אין גענוגענדער קוואַנטיטעט און גאַנץ אָפט — דאָס איז דיא בעסטע מעטהאָדע צו בעקעמפפען דיעזע מגפה...

גוטע לופט דאַרפט איהר גראַדע ניט זוכען ערגעץ ווייט פון אייך און אייערע פריינדע, איהר קענט איהר האָבען נאָהענט צו אייך אין אַ פּאַסענדען דאָרף. דער קלימאַט איז נאַטירליך זעהר וויכטיג, אָבער ער איז נאָך ניט אַלעס. מען מוז דערצו נאָך האָבען גוטע נאַהרונגס־מיטעל. מאַנכע פּאַציענטען געבען אויס דאָס גאַנצע געלד, וואָס זיי האָבען, אויף צו פאָהרען נאָך קאָלאָראַדאָ, וואו זיי קומען אום ניט זעלטען איינפאַך פון הונגער... פיעל ראטהזאַמער איז צו געברויכען דאָס געלד אין אַ קאָנטרי ניט ווייט פון דער היים, פערוואַנדטע און פריינד און אויף גוטע נאַהרונגס מיטעל.

——::——

צום שלוס אַ פּאָר ווערטער וועגען דיא סימפּטאָמען, וואָס ווייזען אָן אויף שווינדזוכט.

לאַנג איידער דיא קראַנקהייט איז אין פולער ענטוויקלונג, פערלירט מען דעם אַפּעטיט. דער מאָגען איז ניט אין אָרדנונג, דאָס עסען געהט ניט איין, קיין זאַך שמעקט ניט — עס האָט קיין טעם ניט. דער פּאַציענט ווערט אָבגעמאָגערט, ער פערליערט אין געוויכט. דער שלאָף ווערט אונרוהיג און אָפט אין גאַנצען פערלאָרען. געהט אַוועק נאָך אַביסעל צייט, הייבט אָן דאָס האַרץ צו קלאַפּען עפּטערס, אויך דער פּולס. אין דער ווייטערער ענטוויקלונג קומען פאָר עפּטערע ענדערונגען אין דער טעמפּעראַטור פון קערפּער: דאָס ווערט זיא העכער, וויא געוועהנליך, דאָס פאַלט זיא ניעדריגער וויא דיא נאָרמאַלע. דאָס בריינגט ארויס אין דעם קראַנקען אַ געפיהל פון פריערען. ענג מיט דעם איז צוזאַמענגעבונדען דאָס אָפטע שוויטצען, בעזאָנדערס דיא נאַכט־שוויטצע. צו דערזעלבער צייט קען שוין דער פּאַציענט האָבען אַן אַטאַקע פון פּלעצליכען בלוטשטורץ, און דער כאַראַקטעריסטישער הוסטען פון שווינדזוכט ענטוויקעלט זיך.

דר. מ. י. קאָניקאָוו.

באָסטאָן, מאַסס.

# דער מילכיגער בית המדרש און דער בלינדער מגיד

.1

## דער מילכיגער בית המדרש און זיינע בעלי הבתים.

דער מילכיגער בית המדרש האָט אַ גרויסען שם אין וויטעפּסק. ער געפינט זיך אין דעם טהייל פון שטאָדט, וואו עס וואוינען אַלע בעוואוסטע און אונבעוואוסטע אידישע גנבים. דיא בעלי הבתים פון דעם מילכיגען בית המדרש זיינען אַלע פון אַזאַ סאָרט אידען. אויף זייער געלד איז ער אויפגעבויעט געוואָרען, אויף זייערע נדבות און תפילות האַלט ער זיך אויף... דאָרט קלייבען זיי זיך צונויף, דאָרט ריידען זיי ארום זייערע „געשעפטען", פערקויפען און קויפען זייער געלאַטכענטע סחורה און ריידען אָפּ וועגען פרישע „ארבייט." דאָרט טראַכטען זיי ארום נייע גנבות און דאָרט בעטען זיי ביי גאָט מחילה פיר דיא אַלטע גנבות...

אַזוי אַ איד, אַ יאָלדאָווער, ניט קיין „פאַך־מאַן," געהערט ניט צו דעם בית המדרש... מע דערצעהלט, אַז דיא ערשטע צייט, באַלד וויא ער איז אויפגעבויעט געוואָרען, האָבען איינִיגע יאָלדאָווע אידען פּרובירט קומען אַהין דאַווענען, אָבער זיי האָבען דאָרט געכאַפּט אַ מיאוס'ן פּסק; איידער זיי האָבען זיך נאָך געשטעלט דאַווענען, איז שוין זייער טלית ותפילינעלם געוואָרען העט — העט! און איינער פון דיא יאָלדאָווע אידען וואָס האָט זיך דעמאָלט איינגע'עקשנט, אַז דער טלית ותפילין זאָל דוקא ווערען, אַז ניט וועט ער ממש „אויסקאַראַבייען" דיא בעלי־הבתים פון דעם מילכיגען בית המדרש, דער־צעהלט מען, האָט דעמאָלט פיר אַזאַ עקשנות געקראָגען אַזוי „ארויסגעפיהרט" פון אַ פּאָר געזונדע „אונטערפיהרער," אַז ער איז טאַקי באַלד געלאָפען אין אַ צווייטען בית המדרש און האָט געבענטשט גומל מיט אמת'ער כונה...

פאַר וואָס מע רופט דעם בית המדרש „מילכיגער" איז דאָ חלוקי דעות: אייניגע זאָגען, אַז פשוט דערפאַר, ווייל זיינע בעלי הבתים טרינ־קען אומזיסט מילך פון גע'גנב'עטע בהמות, און אַנדערע זאָגען, אַז דיעזען נאָמען האָט ער גע־קראָגען דורך אַ צופאַל. לכתחילה האָט ער זיך נאָר גערופען „דיא נייע שוהל", נור באַלד וויא מען האָט איהם אויפגעבויט, האָט זיך מעשׂה שטן געטראָפען אַזאַ מין געשיכטע: אַ ישובניק איז פערביי־געפאָהרען דיא נייע שוהל מיט אַ וואָגען מילך. עס איז געווען פאַרטאָג זומער־צייט. דער ישובניק האָט געכאַפּט אַ געשמאַקען דרעמעל, און דער פערד איז זיך אַליין געגאַנגען פּאַוואָליע איבערן בעקאַנטען „סליאַך" צום מאַרק. אַז דער ישוב'ניק האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז געווען גרויסער טאָג, און פאַר דיא שיין פון דער העלער זון, האָט ער ניט געזעהען ארום זיך קיין כלים און קיין מילך... ער רייבט זיך דיא אויגען, קוקט דאָ דאָרט אין וואָגען — ליידיג, ניטאָ קיין כלים און ניטאָ קיין מילך!.. וויל ער אָפּשטעלען דעם פערד, כאַפּט ער זיך, אַז קיין פערד איז אויך ניטאָ. מאַכט ער מסתמא אַ גע־וואַלד, לויפען זיך צונויף מענשען. דערצעהלט ער זיין אונגליק, לאַכען זיי. זיי לאַכען און ער וויינט. קריעגען אויף איהם דיא מענשען רחמנות



לעאָן קאָברין.

און זאָגען איהם, אז ער וועט מנדב זיין עטליכע ר״ט אויף דיא נייע שוהל, וועט ער חוץ א מצוה קריעגען זיין מילך און זיין פערד צוריק. כך הוה: ער האָט אָבגעשטעקט עטליכע ר״ט און דיא מענשען האָבען איהם געבראַכט אויפ׳ן שוהל־הויף און פון דאָרטען גלייך אין שוהל. דאָרטען הינטער׳ן עמוד, זיינען געשטאַנען זיינע כלים מיט מילך... אז ער איז ארויס צוריק פון שוהל אויפ׳ן הויף האָט ער דערהערט הינטער זיך א הירזשען פון א פערד, ער האָט זיך אומגעקוקט: ערשט, טאַטעלעך, זיין פערד!..

וויא קומט דער פערד דאָ? איז ער אויך געווען בעהאַלטען אין שוהל?״ — האָט זיך דער ישוב׳ניק גע׳חידושט.

דיא מענשען האָבען איהם געראַטהען, ער זאָל בעסער ניט פרעגען קיין איבריגע קשיות, אז ניט וועלען זיי איהם געבען אזא ענטפער, פון וועלכען עס וועט איהם ניט גוט ווערען... אויפ׳ן מאַרק אָבער האָט דער ישוב׳ניק דער־צעהלט זיין חידוש צו אַנדערע אידען און דיעזע נאָך צו אנדערע, און פון דיעזער צייט אָן האָט דיא נייע שוהל געקראָגען דעם נאָמען „דער מילכיגער בית המדרש״...

אז א בעגנב׳טער בעל הבית וויל האָבען צוריק זיין אוועקגעגנב׳טע גוטס, מוז ער קומען אין מילכיגען בית המדרש און דוקא ניט מיט פּאָליציי און ניט מיט רוגזה. ער מוז זיך זעהען מיט איינעם פון דיא פּני פון מילכיגען בית המדרש, צו מיט דעם גבאי, צו מיט דעם מורה דרך, צו מיט דעם קאָנאַטשיי. ביי א קלענערע גנבה מעג ער אפילו אונטערהאַנדלען מיט דעם שמש אויך, ער מוז אָבער ניט ריידען, וויא אַן עזות פּנים, אָדער וויא אַן עהרליכער מענש רעדט צו א גנב, נור וויא א סוחר מוז ער ריידען, וויא א סוחר, וואָס קומט צו א צוויטען געשעפטסמאַן וועגען א געוויסען מסחור, צו גאָר וויא איינער, וואָס קומט בעטען ביי א גוטען מענשען א טובה... ווארים דיא בעלי בתים פון מילכיגען בית המדרש האָבען אויך זייערע „זאַקאָנעס,״ זייערע דינים און אויך זייער האָנער, זייער „איך״. און אל פּי זייערע דינים קומט אויס, אז דאָס איז דיינע, אזוי לאַנג וויא איך האָב דאָס ניט פאַרצאַפּעט; האָב איך דאָס אָבער פאַרצאַפּעט, איז דאָס מיינע... דעריבער, אז איינער וויל האָבען צוריק, וואָס איז פריהער געוועזען זיינע און איצטער מיינע מוז ער מיר בעצאָהלען פיר מיינע... פערשטעהט זיך, אז בעצאָהלט מוז ווערען אפריהער, דערפאַר אָבער קען יענער זיין זיכער, אז דיא גנבה וועט מען נאָכדעם איהם אומקעהרען; דען דיא בעלי־הבתים פון מילכיגען בית המדרש האַלטען תמיד וואָרט, זיי זיינען אויך מענשען מיט מאָראַל און יושר, און מיט זיי אָפּגעמאַכט הייסט אָפּגע־מאַכט!.....

מיט זיי קען מען מאַכען פערשיעדענע מסחרים. למשל: עס טרעפט זיך אמאָל, אז אין אנאַנדער בית המדרש ברעכט אויס צווישען שעהנע בעלי הבתים א מחלוקה, ביי וועלכער מע מוז איינשטעלען דיא זייטען און דיא באַקען. פערשטעהט זיך, אז א שעהנער בעל הבית וועט זיך, חלילה, ניט קריכען שלאָגען, איבער־הויפּט, ווען ער וויים זיכער, אז יענער צד איז שטאַרקער און אז ער וועט קריעגען צובראָכען דיא ביינער. היינט וואו קריעגט מען דיא ריכ־טיגע ידים צו רעכענען זיך מיט יענעם צד?... פערשטעהט זיך, אז אין מילכיגען בית המדרש. פאַר עטליכע רובעל וועלען דיא „מילכיגע״ זיך מיט יעדען רעכנען, און רעכנען זיך אויפ׳ן ריכ־טיגען אופן!.. עס זיינען דאָ שעהנע בעלי הבתים אין וויטעבסק, וואָס האָבען, מחילה, פערזוכט א ריכטיגען טרעמבעניץ פון א מילכיגען און זיי זאָגען אלע בפירוש, אז אזעלכע ידים וויא דיא מילכיגע האָבען, האָט אפילו עשיו, להבדיל, אויך ניט!..

אויף אלע עסקים זיינען זיי פעהיג, דיא מילכיגע, קיין זאַך שרעקט זיי ניט אָפּ. אין טורמע פיהלען זיי זיך אזוי בעקוועם, וויא אין בית המדרש און אין בית המדרש, וויא אין דער היים....

פיר דיא פּאָליציי איז דער מילכיגער בית המדרש א מין באַנק, להבדיל: ווען זיא איז זיך נור מיישב, קומט זיא אהין און „ציהט״ געלד..:

אין אַנדערע ענינים פיהרט זיך אויף דער מילכיגער בית המדרש גאַנץ שעהן־אידעשלאַך, גראַד וויא אין דיא בתי מדרשים פון דיא אמת שעהנע בעלי הבתים. זיי „קעמפּפען״ דאָרט אויך פיר פעטע עליות, אין שמחת תורה טאַנ־צען דאָרט אויך שיכורים און שלאָגען זיך אויף פיר הקפות, פונקט וויא אין דיא בתי מדרשים פון דיא שעהנע בעלי בתים..

א חזן האָבען זיי ליעב צו הערען א גוטען. אָבער זיי האָבען זעהר פיינט צו הערען דיא דרשות פון א מגיד. „זאָלען דיא מגידים,״ זאָגען דיא מילכיגע, „קראַצען דיא פּיאַטעס אנדערע מיט זייערע יוצרות, אָבער ניט אונז!...״

מע דערצעהלט, אז איינמאָל נור, באַלד וויא דער מילכיגער בית המדרש איז אויפגעבויט

געוואָרען, האָט אַ מגיד אהין פערבלאָנדזשעט. ער איז ארויף אויף דער בימה האט אנגעטהאָן זיין טלית, אויסגעטהאָן זיין היטעל און איז געבליבען אין יארמולקע, דאַן האט ער גענומען זאָגען. זיין ענ ן איז געווען דיא עשרת הדברות. נור וויא ער איז געקומען צום „לא תגנוב", האט ער זיך געכאַפּט, אַז דער טלית איז אויף איהם ניטאָ. ער האט געוואָלט אנטהאָן דיא היטעל און מאַכען א ויברח, איז דיא היטעל ניטאָ; האט ער געוואָלט אנטלויפען אין יאַרמאַלקע, כאַפּט ער זיך, אַז דיא יאַרמאַלקע איז אויך ניטאָ. איז דער מגיד געפאַלען אויף אן איינפאַל, ער האט גענומען שרייען: „תגנוב, תגנוב - דו זאָלסטיע גנב'ענען"! מיינענדיג דערמיט צו געפעלען דיא בעלי הבתים פון מילכיגען בית המדרש און ארויסראַטעווען זיין טלית, היטעל און יאַרמולקע. וויא נור ער האָט עס ארויסגעשריען, איז געוואָרען גלייך ארום איהם אַ ליארם און איינער פון דיא מילכיגע האָט אַ געשריי געטהאָן: „גיעט איהם מלקות, דעם מגיד!" און טאַקי תוך כדי דיבור האָבען איהם אָנגעכאַפּט אַ צעהנדליג הענד און מען האָט איהם ארונטערגעשלעפּט פון ביהמע. „שטייטש, אידען פארוואָס?" האָט אויסגעשריען דער צוטומעלטער מגיד. און אָרע טשיכיקער, דער מורה דרך פון מילכיגען בית המדרש, האָט איהם אַזוי געענטפערט: „מילא, אז איהר זאָגט „לא תגנוב" האָט איהר גלאַט ניט געטראָפען דעם אָרט... אָבער אז איהר זאָגט „תגנוב," פרעג איך אייך: זיינען מיר נאָך קליינע גנבים? איהר ווילט, אז מיר זאָלען נאָך ווערען גרעסערע גנבים?... גיט איהם דערפאַר מלקות, אַזאַ מגיד!"

און פון יענע מלקות אָן היטען זיך דיא מגידים פון מילכיגען בית המדרש...

.2

## דיא טשינאָווניקעס פון מילכיגען בית המדרש.

דער גבאי פון דעם מילכיגען בית המדרש איז שלמה בוטין, אַ דיקער שטאַרקער איד מיט אַ רויטען פנים, מיט א ברייטער רויטער באָרד, אַ יאָהר פונפציג אַלט. דיעזער שלמה האָט שוין א יאָהר צעהן אויפגעגעבען אליין דיא „מלאכה," איצטער קויפט ער נור אויף ביי אנדערע „סחורה." ער איז אַ רייכער איד, האָט עטליכע הייזער און דריי טעכטער. איין טאָכטער, דיא עלטסטע, האָט זיך גע'שמד'ט און האָט חתונה געהאַט מיט אַ גויעשען טבח. דיא צווייטע האָט ער אויסגעגעבען פיר בענצע פכע, אַ מלמד'ס אַ זוהן, אַ שוואַכינקען, בלאַסינקען יונגערמאַנטשיק, מיט אַ שווארצע שיטערע בערדעלע, וועלכע ער פלעגט שטענדיג טשיפּלען מיט דיא לאַנגע דאַרע פינגער. „פכע" פלעגען איהם דיא מילכיגע רופען, ווייל זייענדיג דער בעל שחרית און דער בעל קריאה אין מילכיגען בית המדרש, פלעגט ער יעדעס מאָל, איידער ער האָט געדאַרפט אָנהויבען צו „לייענען," זיך גוט אויסכראַקען און דערביי פלעגט ער ארויסלאָזען צווישען דיא ליפען אַזעלכע טענער, וואָס האָבען געקלונגען, וויא „פכע, פכע".. ער איז געווען דער איינציגער „יאָלד" אין מילכיגען בית המדרש, און שלמה בוטין האָט זיך שטאַרק גע'יחוס'ט מיט איהם. דיא דריטע טאָכטער איז געשטאַנען נאָך אין שידוכים און ער האָט פיר איהר געזוכט נאָך אַן עדעלערען יונגען מאַן, וויא בענצע פכע איז געווען...

דער מורה דרך אין מילכיגען בית המדרש איז געווען אָרע טשיכיקער, א איד, א פערדהענדלער, וועלכער איז אין פערלויף פון צוואַנציג יאָהר צעהן יאָהר אָפּגעווען אַ סטאַראָסטע ביי דיא אַרעסטאַנטען אין טורמע אזוי היימיש איז ער דאָרט געווען... ער איז געווען אַ הויכער, לאַנגער איד מיט שמאָלע פּלייצעס, מיט אַ לאַנגען בלייכען געשטופּעלטען פּנים, מיט אַ גרויער שפּיטציגער בערדעל און מיט קליינע שטעכעדיגע אויגלאַך. גאַנץ אָפט פלעגט ער קומען שבת אין בית המדרש שיכור וויא לוט. דאַן פלעגט ער ארומגעהען איבער'ן בית המדרש מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ, פלעגט מאַכען מיט זיינע לאַנגע הענד צום עולם און פלעגט שרייען: „דאַוועגט, גנבים, דאַוועגט, א ריח אין אייער הארצען אריין".. ווען ער איז געווען גוט שיכור, פלעגט ער קריכען זיך קושען צו שלמה בוטין און פלעגט איהם רופען צו זיך אויף ברכה. אדער ער פלעגט זיך צורוויינען אויפ'ן קול, פלעגט זיך קלאַפּען מיט אַלע כוחות אין ברוסט און פלעגט שרייען: „ווער זאָגט דאָס, אז איך בין ניט קיין פיינער מענש, האַ? איך בין אָרע טשיכיקער, אַ איד, אַ איד, ניט קיין גוי!... אַליין גנב'ע איך קיין מאָל ניט, נור איך האַנדעל ביליגע פערד.. קומט מיר עפּעס דערפאַר?... פאַר וואָס בין איך ניט קיין פיינער מאַן, האַ?.."

דער עולם ארום איהם פלעגט נעהמען לאַכען. דאַן פלעגט ער זיך צוקאָכען: „וואָס לאַכט איהר? — פלעגט ער נעהמען שרייען — „איהר זייט שעהנערע מענשען פון מיר?... דאַוועגט, גנבים, דאַוועגט, אַ ריח אין אייער האַרץ אריין!..."

דער קאַנאַטשיי אין מילכיגען בית המדרש איז געווען ישׂראל'קע קאַטוף, אַ שוואַרצער איד מיט אַ לאַנגער ברייטער שוואַרצער באָרד, מיט גרויסע שוואַרצע איינגעקאַטשעטע אויגען, מיט אַ רונדען בייכעל און מיט קורצע דיקע פיסלאַך. אין גאַנג האָט ער זיך געוויעגט אויף די פיס, וויא אַ פעטע גאַנז. ער האָט זעלטען ווען גערעדט, איז זיך תמיד געזעסען אויף זיין אָרט, אין מזרח, אויף דעם צווייטען פלאַטץ פון ארון קודש, אין מיטען צווישען שלמה בוטץ און אָרע טשיכיקער, און האָט זיך געגלעט די באָרד מיט אַ וואַזשנער מינע. ער איז געווען דער טאָן־געבער אין מילכיגען בית המדרש. אַ חזן צו ימים נוראים האָט איהם געדאַרפט געפעלען ווערען, דאַן איז ער געפעלען געווען אלע מילכיגע. די שישית, די שלישית און די מפטר'ס פלעגט ער אויך איינטהיילען צווישען די מילכיגע, און וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען הייליג ביי דער חברה.

איבערהויפט האָבען איהם די מילכיגע בעוואונדערט און פערגעטערט דאַרום, ווייל, האַנדלענדיג זיין גאַנץ לעבען מיט גע'גנב'עטע פערד, האָט ער זיך נור דריי מאָל פאָרצאַפּעט אין טורמע...

דער שמש אין מילכיגען בית המדרש איז געווען געטצעלע קראָליק, אַ דאַרער, פלינקער אידעל, אַ יאָהר זעכציג אַלט, אַ בלינדער אויף איין אויג, מיט אַ צייכען פון אַ לאַנגען שניט אויף דער רעכטער באַק, מיט אַ קליינער שפּיטציגער גרויער בערדעל און מיט אַ רויטען שמאָלען ביינדעל מיט צוויי לעבער פון ביידע זייטען אויף דעם פלאַטץ, וואו אַ מאָל איז ביי איהם געזעסען אַ נאָז...

סיי ווינטער און סיי זומער איז געטצעלע קראָליק אַרומגעגאַנגען אין אַ קורצען, דיקען וואַטאָווען קאַפּטאַן, פון אונטער וועלכען עס האָבען ארויסגעקוקט די געלע ברעגעס פון אַן ארבע כנפות מיט דיקע געלע ציצית, און אין ווייסע לייוועגדענע תחתונים.

דיעזער געטצעלע איז געווען אַ „מיוחס“ אין מילכיגען בית המדרש, קיינער פון זיינע בעלי בתים האָט אַזוי פיעל ניט דורכגעמאַכט אין לעבען, וויעפיעל ער, געטצעלע... אַ מאָל, אַז ער איז געווען גוט אויפגעלייגט, איבערהויפט ווינטער־צייט, ווען מען פלעגט אַ מאָל ארייננעהמען נאָך מעריב אַ „האַלבען שטאָף“ מיט אַ גענזעליצ צו פערבייסען אין בית המדרש, פלעגט ער זיך אַוועקזעצען צווישען חברה ארום דעם ברענדיגען אויווען און פלעגט נעהמען דערצעהלען „אַקציעס“ פון זיין לעבען.

„אַט איהר מיינט דאָך, אַז איהר זייט בריה'קעס — פלעגט ער אָנהויבען צו דערצעהלען מיט אַ שטילען געהיימען קול — און איך זאָג אייך, אַז איהר, אייער גאַנצע קאַפּעלע, זייט שנעקעס; איהר טויגט אַלע אויף צעהן טיבאַטש כפּרות — יע!.. (דערביי פלעגט ער כיטרע אַ ווינק טאָהן מיט זיין איינציגער אויגעל און פלעגט צוקנאַקען מיט'ן צונג מעשה וואַיילער יונג.) אָהאָ, לאַיראַקעס, איך, נאַפּרימער, בין שוין צו אַכצעהן יאָהר געקראָכען אין אַזאַ פייער, אָהאָ! אָט איהר אלע — פלעגט ער זיך פליצים ווענדען מיט היטץ צו די ארומיגע יונגוואַרג — אָט דוא דאָרט, מיט דעם אָפּגעריסענעם אייער, צו דוא דאָרט, מיט די „פּאָנאַרען“ אונטער די אויגען! אָט איהר האַלט זיך דאָך פיר גאַנצע קנאַקערס, פיר גאַנצע יא טעביע דאַמניקעס; וואָלט איהר אויך געקראָכען צום איספראַווניק, צו איהם אליין אין שטאַל? עהע, אַ מכה!... און איך בין טאַקי געקראָכען און אַ ווראָנעם זשערעבעץ, אַן אָדלער, פיער יאָהר אַלט געווען, [illegible] פון זיין שטאַל און דוא, וואַשקאַ בלאַגאָראָדיע, גאָספּאָדין איספראַווניק, איך פייף אויף דיין טאַטען... אנו כאַפּ דאָרטען געצעלען... האַידא, כאַפּ דעם ווינד אין פעלד, בע, כע, כע!....“

ביי די לעצטע ווערטער איז ער שוין געווען בעגייסטערט. חברה פלעגט זיך צוהערען צו איהם מיט גרויס התפעלות, געשמאַקצעט מיט די ליפּען, געקראַצט די פּאַטילניצעס און צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ. דער יונגערמאַן מיט דעם אָפּגעריסענעם אויער, ברוך'קע ממזר, אַ געזונטער יונג מיט ברייטע ביינער, מיט אַ ראָבען פנים און מיט רויטע האָר, פלעגט אויפשפּרינגען מיט התלהבות און אַ קלאַפּ טהאָן געטצעלען איבער'ן פלייצע אַזוי, אַז יענער פלעגט זיך צונויפדרייען ווי אַ בייגעל, פלעגט ער ארויסשרייען מיט אַ הייזעריגען קול: — שאַבאַש, אַ מאָל זיינען געווען מענשען, עך!

און אום שטאַרקער ארויסצוצייגען זיין טיעפען רעספּעקט צו די אַמאָליגע מענשען, פלעגט ער דערביי מאַכען בקול רם אַ כפול שמונה'דיגען רוסישען מי שברך....

חברה פלעגט זיך פון דעם שטאַרק צולאַכען, מע פלעגט שיקען נאָך אַ צווייטען „האַלבען שטאָף“ און, גוט אונטערגעשנאַפּסקעט, פלעגט געטצעלע מיט נאָך מעהר איינצעלהייטען, מיט

נאָך מעהר פייער דערצעהלען וועגען זיינע אַמאָליגע „אַקציעס.“ הברה איז איבערהויפּט נתפעל געוואָרען פון איינע פון דיעזע „אַקציעס:“ וויא אזוי געטצעלע האָט אַ מאָל בע׳גנב׳עט אַ ציגייגער, אַ ציגיינער בע׳גנב׳ענען אָהאָ! — דערצו מוז מען סיידען אליין זיין אַ מכשף, צו אַ „ניט גוטער“!...

ענדיגען פלעגט געטצעלע זיינע „אַקציעס“ ביי דעם פערטען „האַלבען שטאָף“. דאַן פלעגט ער שוין ניט זיצען, נור שטעהען און שאָקלען זיך אויף דיא פיס און מאַכען מיט דיא ליפּען און ריידען ניט צו דיא חברה, נור צו זיך אליין. ער האָט דאן געשאָלטען דעם גבאי, דעם מורה דרך, דעם קאַזנאַטשיי און אַלע זיינע בעלי בתים. און אויפ׳ן סוף פלעגט ער אריינכאַפּען ביידע הענד אין מויל, פלעגט זיי בייסען מיט אַ יאָמער, פלעגט טאָפּשען מיט דיא פיס און שרייען:

— וואו איז דער יושר?.. איך בין געווען אַזאַ יונג מיט ביינער, האָב פערלאָרען אַן אויג ביי דער „ארבייט“, אַ נאָז פערלאָרען, אַ באַק פערצרה׳ט — איך, וואָס איך האָב גאָר געדאַרפט זיין גבאי אין דעם בית המדרש, בין איך גאָר אַ שמש! און ווער איז גבאי? שלמה בוטין! און ווער איז מורה דרך? אָרע טשיכיקער! און ווער איז שלישי? ווידער שלמה בוטין! און ווער קריעגט דיא תוכחה? איך — געטצעלע קראָליק!.. וואו איז דער יושר? שלמה בוטין האָט הייזער, האָט כבוד. פאַרוואָס? ער איז עפּעס אַ רב? ער איז דאָך מיין תלמיד, אַ ריח אין זיין נשמה אריין! האָט ער דאָך געדאַרפט זיין דער שמש און איך דער גבאי. האָב איך דאָך געדאַרפט האָבען דיא הייזער און ער זאָל וואוינען דאָ אין בית המדרש? וואו איז דער יושר? אַ כאָלעריע אויף איך!.. דער יושר איז וואו?.. האַ? — פלעגט ער זיך אַ קעהר טהאָן צו דער חברה..

אין אַזאַ צייט וואָלט ער זיך אָדער געשלאָגען אָדער געקושט. ווען חברה פלעגט פון איהם אַ לאַך טהאָן, פלעגט ער כאַפּען אַ שטיק האָלץ, וואָס נור עס פלעגט זיך איהם מאַכען אונטער׳ן האַנד, און פלעגט זיך וואַרפען אויף איהר מיט אַ געשריי: „ארויס, ארויס, גנבים, דאָ איז ניטאָ וואָס צו גנב׳נען, ארויס!“.. אָבער, ווען דיא חברה פלעגט איהם געבען גערעכט, אַז טאַקי נור ער האָט געדאַרפט זיין גבאי אין מילכיגען בית המדרש, פלעגט ער ווערען ווייך, וויא אַ קינד, פלעגט קריכען צו אַלעמען זיך קושען און פלעגט טענה׳ן כליפּענדיג: „אָט דוא ביזט דאָך עפּעס אויך ניט אַבי אַ יאַט. בין איך ניט גערעכט, זאָג אליין, האַ? אַן אויג, אַ נאָז, אַ האַלבע באַק האָב איך אָנגעוואָרען ביי דער ארבייט, און אויפ׳ן סוף — ווער איז גבאי? אַ תלמיד מיינער, אַ בורדיוק, שלמה בוטין! און וואָס בין איך? אַ שמש, צו אַלדע שוואַרץ יאָהר, אַ שמש!..“

אז ער איז אָבער ניט געווען שיכור, האָט ער זיך פאַר דיא הויפּטפיהרער אין מילכיגען בית המדרש געבויגען און דרייען, האָט זיך צו זיי אונטערגע׳חנפ׳עט און איז בערייט געווען צו קריכען פאַר זיי אין פייער און אין וואַסער.

אָט אונטער דיא פיהרערשאַפט פון שלמה בוטין, אָרע טשיכיקער, ישראל׳קע קאַטוף און דעם שמש געטצעלע קראָליק האָט זיך יאָהרען און יאָהרען לאַנג געפיהרט דער מילכיגער בית המדרש אויף דעם שעהנסטען אופן, און קיין אונגעוואוינליכע זאַך האָט דאָרט ניט געטראָפען, ביז יענעם שבת...

.3

## דיא מהומה אין מילכיגען בית המדרש.

אין יענעם שבת האט  אין מילכיגען בית המדרש געטראָפען ווירקליך עטוואָס אזוינס, וואָס ווען דיא גאַנצע פּאָליציי פון דער שטאָדט וויטעבסק וואָלט איהם פלוצים בעפאלען, וואָלט זיא אזוי ניט צוטומעלט, אזוי ניט איבערגעשראָקען דיא מילכיגע וויא דאָס, וואָס האָט דאָרט געטראָפען.

און געטראָפען האָט אַ קלייניגקייט: אַ מגיד האָט גע׳דרשנט אין מילכיגען בית המדרש! פערשטעהט זיך, אז ער איז געווען ניט קיין יאַט אַ מגיד, ווען דיא מילכיגע האָבען איהם געקענט איינלאַדען צו זיך דרשה׳נען. דער בעריהמטער בלינדער מגיד איז עס געווען, דער זעלבער וואונדערבארער רעדנער, מיט וועמענס פייערדיגע דרשות עס האָט געקאָכט גאַנץ וויטעבסק. פון דיעזען מגיד זיינען דיא וויטעבסקער אידען נתפעל געוואָרען נאָך מעהר וויא פון דעם בעסטען, האַרציגסטען בעל תפילה. פון אַלע עקען שטאָדט איז מען געלאָפען הערען זיינע ברענענדיגע דרשות: מענער, ווייבער און קינדער, אַלטע און יונגע, אפילו היינטוועלטיגע. דיא פיהרער פון מילכיגען בית המדרש האָבען מקנא געווען די אַנדערע בתי מדרשים און האבען בעשלאָסען, אַז אַזאַ צאַצקע אַ מגיד ווילען זיי ביי זיך אויך האָבען. „וויא באלד אז עס קאָכט אזוי מיט איהם, מוז ער דאָך עפּעס טאַקי זיין אַ שעהנע כלי“ — האָבען זיי צווישען זיך גערעדט — „און וויא־

באַלד אַז ער איז אַ שעהנע כלי, איז דאָך אודאי זיין פּלאַטץ אין מילכיגען בית המדרש."

געזאָגט און געטהאָן. שלמה בוטץ און ישראל'קע קאַטוך האָבען איהם איינגעלאַדען אין נאָמען פון אַלע מילכיגע, דאָס איז געווען אַ פּאָר שבתים פאַר ימים נוראים.

נאָך „לייענען" האָט דער שמש געטצעלע קראַליק אָנגעקלאַפּט אין טיש אויף דער ביהמע און האָט אָנגעהויבען בזה הלשון: „שאַ, שטילער.. דער גבאי האָט מיר געהייסען אויסרופען, אַז היינט נאָך וואַרעמעס, דריי דעם זייגער, וועט דאָ זאָגען אַ מגיד, און דער עולם איז געבעטען צו זיין מענשען און ניט צו מאַכען קיינע הינטישע שטוקעס, וואָרום דער גבאי זאָגט, אַז עס איז ניט שעהן. מען זאָל פון איהם ניט אַראָפּשלעפּען דעם טלית און קיין אַנדערע זאַכען, וואָרום קיין הינטישע שטוקעס זאָל מען ניט מאַכען"......

פון אונטען איז געפלויגען אַ צונויפגעדרעהטער האַנדטוך און האָט געטצעלען געטראָפען אין פּנים. דאָס האָט אָפּגעהאַקט זיין דרשה. ער איז אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט און האָט צומישט גענומען קוקען אַרום זיך אויף דעם עולם, וואָס איז געשטאַנען אַרום ביהמע.

און דער עולם האָט געלאַכט און געפילדערט. געטצעלע איז געקומען צו זיך און גענומען שרייען: „וואַרפען זאָל איך דיא קדחת, ממזרים, גנבים, וואָס וואַרפט איהר מיר? וואָס בין איך שולדיג?"

אַ האַנד האָט זיך אויסגעצויגען פון אונטען צווישען דיא געטאָקטע פּלעקלאַך פון דער ביהמע, האָט אָנגעכאַפּט זיין תלית פון הינטען און איידער געטצעלע האָט נאָך צייט געהאַט אַ קעהר צו טהאָן זיך, איז דיא האַנד מיט'ן תלית פערשוואונדען צווישען דיא פּלעקלאַך...

„מיין טלית, גנבים"!—האָט געטצעלע אַ געשריי געטהאָן און איז אַראָפּגעלאָפען פון דער ביהמע זוכען זיין טלית. דער געלעכטער און דער ליאַרם איז געוואָרען נאָך שטאַרקער. דער עולם האָט זיך צושטיפּט און האָט גענומען שטופּען אַפּריהער איינער דעם אַנדערען אויף געטצעלען, וועלכער האָט געשריען: „וואו איז דער תלית?" דאַן האָט ער גלאַט גענומען שטויסען איינעם אויפ'ן אַנדערען און עס איז געוואָרען פריילאַך, ליהודים'דיג...

אומזיסט האָט שלמה בוטץ געקלאַפּט אין עמוד און געשריען: „שאַ, וואָס איז דאָ? אַ יאַריד, האַ?" אומזיסט האָט זיין איידים בענצע פּכע, שציפּלענדיג זיין בערדעל און כאַרקענדיג, געשריען אויף דער העכסטער אָקטאַווע פון זיין אָרט לעבען ארון קודש: „פּכע, מוסף! פּכע, אַ שאַנדע!" אפילו אַז דער לאַנגער אָרע טשיכיקער איז אַרויף אויף דער ביהמע און גענומען מאַכען מיט זיינע לאַנגע הענד צום עולם און שרייען: „וואָס האָט איהר זיך היינט צוויושעט וויא דיא חזרים, אַ ריח אין אייער האַרצען אַריין! וואָס איז היינט תשעה באב, וואָס איהר האָט זיך אַזוי צוויושעט? שטילער, גנבים, אַ רוח אין אייער האַרצען אַריין! —" איז אויך ניט שטילער געוואָרען. דער עולם האָט זיך ערשט בערוהיגט, ווען דער ליעבלינג פון דיא מילכיגע ישראַליק קאַטוך האָט זיך בעוויעזען אויף דער ביהמע. ער האָט וואַזשנע אַ גלעט געטהאָן דיא ברייטע שוואַרצע באָרד און קוקענדיג פאַר זיך מיט זיינע גרויסע אויסגעקאַטשעטע אָקסענע־אויגען, האָט ער געזאָגט מיט זיין גראָבען הייזעריגען קול: — „חברה, היינט דאַרפט איהר זיין מענשען... מיר האָבען היינט אַ מגיד, אַזאַ מגיד, פערשטעהט איהר מיך, וואָס מען רופט אַ מגיד, ניט אַבי אַ יאַט!... עס וועלען אודאי קומען איהם הערען מענשען פון אַנדערע שוהלען, איז מיין עצה, אַז איהר זאָלט זיך האַלטען, וויא מענשען. זאָלען לייט זעהען, אַז אונזער בית המדרש דאַרף ביי זיך ניט אַראָפּפאַלען געגען אַנדערע".

נאָך זיינע ווערטער איז ביים גאַנצען עולם געבליעבען, אַז היינט זאָל מען קומען הערען דעם מגיד און מען זאָל זיך האַלטען, „וויא מענשען"...

און דאַן האָט דאָס געטראָפען, וואָס האָט אַזוי צוטומעלט און צומישט דיא מילכיגע...

לעאָן קאָברין.

(שלוס פאָלגט.)

# די געשיכטע פון „ארבייטער רינג"

אין אַ טראַפּען, זאָגט מען, שפּיגעלט זיך אָפּ אַ וועלט. קליין איז די געשיכטע פון „ארבייטער רינג"; אָבער אין איהר שפּיגלען זיך אָפּ גאַנצע און גרויסע געשיכטען פון פּראָגרעסיווע בעוועגונגען, וועלכע האבען אויך אנגעפאַנגען אַזוי קליין און זיינען אויסגעשטאַנען אַן עהנליכען שיקזאַל.

דער קערנדעל, פון וואַנען דער אָרדען איז ארויסגעוואַקסען, איז די איצטיגע בראַנטש 1, דער ערשטער פעראיין פון „ארבייטער רינג." אַ געזונדער קערנדעל איז ער געווען און אויף אַ פּרוכטבאַרען באָדען איז ער געפאַלען. עס זיינען אָבער געווען געוויסע אומשטענדען, וועלכע האָבען איהם אין פערלויף פון יאָהרען ניט געלאָזען אויסשפּראָצען, וועלכע האָבען איהם געדראָהט אין טיעפען שאַטען, פערנאַכלעסיגט און פעראַכטעט, און ווען ער וואָלט אין זיך ניט געהאַט אזוי פיעל לעבענסקראַפט, דאַן וואָלט שוין לאַנג פון איהם קיין זעכענס געבליעבען.

דער „ארבייטער רינג" איז אַ קינד פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג; מען האָט איהם אָבער פון אָנפאַנג בעהאַנדעלט, ווי אַ שטיעפקינד. די גענאָסען האָבען אויף איהם געקוקט קרום. דער פּונקט וועגען געגענזייטיגע אונטערשטיצונג האָט איהם אין זייערע אויגען אין גאַנצען דיסקרעדיטירט. זיי האָבען געטרוימט פון די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן. פערשטייט זיך, אז אַזאַ ענין, ווי אַ אונטערשטיצונגס־פעראיין, איז ביי זיי געווען זעהר א אונבעדייטענדער ענין. און ווען אַזאַ פעראיין איז צו זיי געקומען אויך מיט אַנדערע, מיט אידעאַלע אויפגאַבען, און ווען ער האָט פון זיי געפאָדערט אויפמערקזאַמקייט און סימפּאַטיע, האָט ער ביי זיי געהאַט אַ פּנים פון חוצפה.

מען האָט איהם ניט בעקעמפּפט, ווי צום ביישפּיעל, מאַנכע ווידערשפּעניגע טרייד־יוניאָנס. ער האָט אויסגעזעהן אזוי אונוויכטיג, דאָס מען האָט געהאַלטען פאר איבעריג צו בעקעמפּפען איהם.

מען מוז אָבער מודה זיין, אז די גענאָסען האָבען אויף דעם געהאַט אויך זייערע פּראַקטישע גרינדע. זיי האָבען זיך דאַן געקליעבען דעם גאַנצען קווארטאַל, די גאַנצע אידישע מאַסע שוין און אויף דער הייסער מינוט פאר'ן סאָציאַליזמוס צו געווינען, און זיי האָבען געדיינקט, אז עס לוינט זיך איינפאַך ניט דעם „ארבייטער רינג" מקרב צו זיין. זיי האָבען ניט געוואָלט איינרייסען מיט די אַנדערע אונטערשטיצונגס־פעראיינען, מיט די חברות און לאָדזשעס.

און אזוי איז מען צו איהם געבליעבען גלייכגילטיג – מערדעריש גלייכגילטיג. דאָס איז ניט געווען קיין שנאה, וועלכע מוז זיך אויסדריקען אין טהאַטען, אין געוואַלד־טהאַטען; דאָס איז געווען אַ פעראַכטונג, אַ שטילע פעראַכטונג, וועלכע איז פאר איהם געפעהרליכער געווען פאר אַלעם. מען האָט איהם פערשוויגען און מען האָט איהם אזוי געקענט פערשווייגען ביז פערניכטונג, ווען ניט זיינע ערשטע מיטגליעדער, זיינע טרייע איבערגעבענע מיטגליעדער, וועלכע האָבען פאר איהם אונערמיעדליך געאַרבייט און אונאויפהערליך געאָפּפערט זיך.

מיט ליכטיגע שמחה קוקען זיך איצט אום די גרינדער פון „ארבייטער רינג" אויף די פערגאַנגענהייט פון זייער פיעלגעפּלאַגטען פעראיין. זייער „רינג" ווערט איצט די בענשונג פון אונזערע אידישע בעוועגונג; אַ מאַכט אין אונזערע אַמעריקאַנישע געטהאָ'ס — אַ גוטע און ליכטיגע מאַכט, וועלכע וועט זיך שטעלען געגען די ניט גוטע און די ניט ליכטיגע מאַכט פון די קאָנסערוואַטיווע אָרדענס. און דאָס איז פאר די גרינדער פון „ארבייטער רינג" די שעהנסטע און עדעלסטע בעלוינונג פאר זייער גאַנצער מיה, פאר אַלע זייערע אַנשטרענגונגען, פאר אַלע זייערע אָפּפער.

אַלץ, וואָס איז בערעכטיגט צו עקזיסטירען, וועט און מוז עקזיסטירען, טראָטץ אַלערליי שטערונגען און מניעות. דאָס איז אַ כלל, וועלכער ווערט בעשטעטיגט אין דער געשיכטע פון „ארבייטער רינג," אזוי ווי אין די געשיכטען פון

פיעלע אַנדערע, קלענערע אָדער גרעסערע, פּראָגרעסיווע בעוועגונגען.

---

מיט 12 יאָהר צוריק, דעם פיערטען אַפּריל 1892טען יאהר, איז אָפיציעל אָרגאַניזירט געוואָרען דער ערשטער פעראיין פון „ארבייטער רינג“. אין א קליינעם האָלל אין 26 דעלענסי סט. האבען זיך פערזאַמעלט געצעהלטע גענאָסען און געלייגט דעם פונדאמענט פאר דעם איצטיגען אָרדען—דעם אָרדען פון דיא פּאָרטגעשריטענע אידישע ארבייטער.

א הייסע צייט איז דאַן געווען אין דער אידישער בעוועגונג — א צייט פון בעגייסטערטע האָפנונגען און הייסע מחלוקת. דיא אידען פערפאָלגונגען, וועלכע זיינען אַלץ פערשטאַרקערט געוואָרען אין רוסלאַנד, האבען אבגעשלאָגען אין אַמעריקא מיט גרויסע כוואַליעס אידישע אימיגראַנטען. און דיא גענאָסען האבען פאר זיך געזעהען א גרויסע און ברייטע פעלד פאר טהעטיגקייט. זיי האבען זיך פאָרבערייטעט צו נעהמען דיא גהעטאָ מיט שטורם, אויפצוטהאָן וואונדער, איבערצוקעהרען וועלטען.

עס זיינען אבער אנגעגאַנגען צווישען זיי בינו לבינו אונענדליכע קריגערייען. דאס איז געווען דער קאַמפף צווישען דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען און דיא אַנאַרכיסטען. דיא בעוועגונג האט געראַנגלט און געבראַזט מיט יוגענדליכע פייער און רחמנות... 

צו פערקלעהרען זיך אונפּאַרטייאיש. דיא בעוועגונג, מיט איהר גאַנצען שטורם און דראַנג, איז אנגעגאַנגען אַזוי וויא אין לופטען. מיט דער זינדיגער ערד האט זיא געהאַט א קנאַפּע שייכות. מען האט זיך מייסטענס בעשעפטיגט און געאַנפערט און געקריעגט וועגען במהרה בימינו, דעם צוקונפטיגען שטאַאַט. נאָר דער „ארבייטער רינג“ האט זיך ערלויבט ארונטערצולאָזען זיך פון דער לופטען אויף דער זינדיגער ערד, צו אינטערעסירען זיך מיט אזעלכע וואָכיגע ענינים, וויא געגענזייטיגע אונטערשטיצונג.

דעם אמת ריידענדיג, איז אבער דער פונקט וועגען געגענזייטיגע אונטערשטיצונג ניט געווען דער הויפט צוועק ביי דיא גרינדער פון „ארבייטער רינג“. הינטער דיעזען פונקט איז געשטאַנען דער אידעאַל צו פערשפּרייטען ליכט און אויפקלעהרונג צווישען דיא אידישע מאַסען. דיא געגענזייטיגע אונטערשטיצונג האט גיכער געדיענט אַלס א מ י ט ע ל צו פערזיכערען דיא עקסיסטענץ פון פעראיין, אבצורייסען דיא אידישע ארבייטער פון דיא קאָנסערוואַטיווע חברות, צו געווינען זיי פאר דער אידעע פון פּאָרטשריט און סאָציאַליזמוס. דיא מיטגליעדער פון „ארבייטער רינג“ האבען זיך אבער דערמיט אליין נאָך ניט צופריעדען געשטעלט. דאס איז פאר זיי אויסגעקומען צו ווייניג אידעאַליסטיש און צו פיעל פּראַקטיש; און זיי האבען דארום אריינגענומען אין זייער פּראָגראַם אויך א פונקט וועגען קאָאָפּערירען. דער „אַרבייטער רינג“ האט זיך געשטעלט זיין אויפגאַבע צו עפענען און צו פיהרען קאָאָפּעראַטיווע געשעפטען—דאס איז געווען א צינז צו דעם גייסט פון יענער צייט און דאס איז געטהאָן געוואָרען פאָלקאָם אין גייסט פון יענער צייט. מען האט בעשלאָסען, אַז דיא דיווידענדען פון דיא קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונגען זאָלען ניט געהען פאר דיא מיטגליעדער, נאר אויסשליסליך פאר דיא צוועקען פון פּראָפּאַגאַנדא.

און אַזוי זיינען דיא גרינדער פון „ארבייטער רינג“ געוואָרען דאָ דיא ערשטע קאָאָפּעריטאָרס. פאר זייער פארשלאַגס־געלד און וועכענטליכע בייטרעגע האבען זיי בעקומען אַלערליי בענעפיטס. יעדער מיטגליעד האט אבער אויסער דעם געמוזט איינצאָהלען אין דיא ערשטע דריי יאהר

30 דאלאר. דאס איז געווען דער פאנד פאר קאָ־אָפּעראַטיווע אונטערנעהמונג. דיעזע 30 דאלאר פלעגט דער מיטגליעדער קענען צוריק־ציעהען, ווען ער פלעגט ארויסטרעטען פון פעראיין.

אזא מין קאָאָפּעריישען, וויא אידעאַליסטיש דער צוועק איז ניט געווען, האט דאך דיא הארטע גייסטער פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי ניט ווייכער געמאַכט. עס איז דאַן געווען א צייט, ווען מען האט אין דיא רויטע קארטען פון דיא דיסטריקטען געזעהען דיא איינציגע גאולה פון דער ארבייטער קלאסע. אפילו אויף'ן עקאנאמישען קאמפף פון דיא טרייד־יוניאָנס האט מען שוין גרויס געוויכט ניט געלעגט. צו דיא טרייד־יוניאָנס האט מען אנגעפאנגען אונטערצוגעהען מיט'ן סאָציאַליזמוס, אזוי וויא משה רבנו צו דיא אידען מיט דיא תורה. מען האט אנגעבויגען אויף דיא קעפ א בארג סיני און געזאָגט: אויב איהר וועט אננעהמען דיא תורה, איז גוט, אויב ניט מאך איך דאָ אייערע קברים. פערשטעהט זיך, דאס אזא פריעדליכע אונטערנעהמונג, וויא קאָ־אָפּעריישען, האט אין אזא קריגערישע צייט קיין קראפט געהאט. און זיא האט טאקע ניט ארויסגעקראגען דיא סאָציאַליסטישע לייבענס.

גראדע צו יענער צייט האט דער „ארבייטער רינג" איינגעריסען אויך מיט דיא אַנאַרכיסטען. וויא אויבען געזאָגט, האט דער „ארבייטער רינג" זיך ערקלערט נייטראל צום סאָציאַל־דעמאָקראַטיש־אַנאַרכיסטישען קאמפף. דאס איז אבער גרינג געווען צו ערקלערען, נור זעהר שווער דורכצופיהרען. דער קאמפף האט געפלאקערט איבער דער גאנצער ליניע פון דער אידישער ארבייטער בעוועגונג; דער „ארבייטער רינג", וועלכער איז געשטאַנען אין מיטען, האט געמוזט נעהמען, פריהער אדער שפּעטער, א בעשטימטע שטעלונג.

דאס האט פּאסירט אין דער צייט פון שריפטזעצער סטרייק געגען דיא „ארבייטער צייטונג". איין טהייל פון דיא שריפטזעצער איז געשטאַנען מיט דיא „ארבייטער צייטונג", אן אנדער טהייל מיט דיא „פרייע ארבייטער שטימע". ביידע טהיילען יוניאָן האבען ערקלערט איינע דיא אַנדערע פאר סקעבס; דיא ביידע צייטונגען האבען איינע דיא אנדערע געלעגט אין חרם. דער „ארבייטער רינג" האט שוין מעהר ניט געקענט דרוקען זיינע בעריכטען אין ביידע צייטונגען. דיא מאַיאָריטעט מיטגליעדער זיינען געווען סאָציאַליסטען און דער פעראיין האט בעשלאָסען צוריקציהען דיא בעריכטען פון דיא „פרייע ארבייטער שטימע".

דער „ארבייטער רינג" האט אבער ניט אויסגענוצט דיא געלעגענהייט, אום איינצוקויפען זיך חן ביי דיא „ארבייטער צייטונג". ער איז געבליעבען טריי צו זיין פּראָגראַם אויף אזוי פיעל, דאס ער האט אויך ווייטער קיין אנטהייל ניט גענומען אין דעם פּארטיי־קאמפף. אזוי איז עס אויסגעקומען, דאס ער האט דיא ליעבשאַפט פון דיא סאָציאַליסטען ניט געוואונען און דעם כעס פון דיא אַנאַרכיסטען ניט איינגעשטילט.

ער האט דאָ געהאט דעם פּסק פון אללע אונפּארטייאישע אין צייט פון א היציגען פּארטיי־קאמפף; ער איז אריינגעפאלען אין אומ'חן ביי ביידע פּארטייען. דאס איז אבער געווען א פּסק אן אונגערעכטער. דער „ארבייטער רינג" איז ניט אויסען געווען צו זיטצען אויף צווייא שטוהלען ער איז ניט אויסען געווען יוצא צו זיין פאר אללע צדדים; זיין כונה איז דאָ געווען פון אנפאנג ביז'ן סוף גוט, עהרליך און אויפריכטיג.

דיא גלייכגילטיגקייט פון דיא גענאָסען האט זיך יעדענפאלס זעהר שווער אפגערופען אויף דעם קאָאָפּעראַטיווען בארבער שאפּ, וועלכער איז געעפענט געוואָרען אין אפּריל 1895 יאהר. דער שאפּ איז פיין אויסגעפיקסט געוואָרען; דיא בעהאנדלונג איז געווען אם שעהנסטען און אם בעסטען. יעדער מאַנאַטליכער קאסטימער פלעגט בעקומען, אלס פּרעמיע, דיא „צוקונפט" אדער אַנדערע וויסענשאפטליכע בראָשורען אין אידיש, דייטש און ענגליש. אין גרויסען קלאָוק־מאכער־סטרייק האט מען געגאָלט דיא סטרייקער אומזיסט. דיא סאָציאַליסטען, אזוי וויא דיא אַנאַרכיסטען, האבען אבער מיט דיזער אונטערנעהמונג ניט סימפּאטהיזירט, און זיא האט דארום קיין ערפאלג געהאט. ניט נור דיא „פרייע ארבייטער שטימע", זאָנדערן אויך דיא „ארבייטער צייטונג" האט זיך פערהאלטען צום „ארבייטער רינג" גאַנץ קאלט. קיין אגיטאַציאָן וועגען איהם און זיינע אונטערנעהמונגען האט מען דארט ניט צוגעלאָזען; מען האט אפילו שטימען פון פאָלק ניט געוואָלט דרוקען וועגען דעם „ארבייטער רינג". דער בארבער שאפּ איז דארום געגאַנגען זעהר שלעכט, און מען האט איהם געמוזט אויפגעבען.

דיעזע פּראָבע מיט קאָאָפּעריישען האט אבגעקאָסט דעם „ארבייטער רינג" פיעל מיה און געלד. עס איז אויסגעקומען אזוי שמאָל, דאס דיא סאמע עקסיסטענץ פון פעראיין איז געווען אין געפאהר. און נור דיא הארמאָניע, דיא טרייהייט

אין איבערגעבענהייט פון זיינע מיטגליעדער האבען איהם גערעטעט פון אונטערגעהען. האמאלס האט זיך ארויסגעוויעזען, וואס דער „ארבייטער רינג“ איז פאר זיינע מיטגליעדער; אז דער צעמענט, וואס פעראייניגט זיי, אונטערשיידעט זיך דורכאויס פון דעם צעמענט, וואס פעראייניגט דיא מיטגליעדער פון יעדען אַנדערען אונטערשטיצונגס־פעראיין. דאס איז דער צעמענט פון דיא נשמות, וועלכען מען געפינט ניט און מען קען ניט געפינען אין קיין אַנדער אונטערשטיצונגס־פעראיין.

דער „ארבייטער רינג“ איז געוואָרען פאר זיינע מיטגליעדער א פּראַקטישע שוהלע אין דער געגענוואַרט, וואו עס ווערט אויסגעארבייט דער אידעאַלער מענש פון דיא צוקונפט. און דיא תלמידים האבען זיך מיט טיעפער ליעבע צוגעבונדען צו זייער שוהלע. זיי האבען דאָרט געפונען א שטימונג פון פריינדליכקייט, פון ברידערליכקייט, וועלכע זיי האבען ערגעץ אין דעם ארומיגען לעבען ניט געפונען. דיא גאַנצע וואָך פלעגען זיי ארבייטען שווער און ביטער, זיי פלעגען אויסשטעהען אַלערליי אונאַנגענעהמליכקייטען און צרות און פלעגען וואַרטען און קוים דערוואַרטען זיך אויף א מיטינג, וואו זיי פלעגען שעפּען מוטה און קראַפט צו בעגעגנען דיא פּראַצע, דיא אונאַנגענעהמליכקייט און דיא צרות פון דיא קומענדע וואָך.

דיא פרייזיניגע ארבייטער, וועלכע האבען שוין לאַנג ניט געוואוסט דעם טעם פון א יום טוב, האבען עס וויעדער דערשפירט אויף זייערע באַנקעטען און יאהרעספעסטען, פון וועלכע זיי פלעגען אימער ארויסטראָגען נייע האָפנונגען. נייעם שטרעבען. איינער פון די עלטסטע מיטגליעדער האט כאַראַקטעריזירט דעם „אר. רינג“ מיט פאָלגענדען אויסדרוק: „ווען א מיטגליעד פלעגט קראַנק ווערען, דאַן פלעגט עס וועה טהאָן דעם גאַנצען פעראיין“. מיט טרעהרען פון ענטציקונג האט ער עראינערט געוויסע פעלע, ווען דיא מיטגליעדער האבען ערפילט איינע צו דיא אַנדערע דיא פפליכטע פון א ברודער, פון א גוירם, פון א מוטער. זייער איבערגעבענהייט איינע צו דיא אַנדערע פלעגט זיך בעזאָנדערס אויסדריקען ביי א קראַנקהייט, ביי אן אונגליקספאַל, ביי יעדען סטרייק. אם שעהנסטען און אם שטאַרקסטען האט זיך דאס אויסגעדריקט אין דיא צייטען פון גרויסען קריזיס, אין 1893, ווען דיא מיטגליעדער האבען זיך בוכשטעבליך געטהיילט מיט דיא לעצטע ביסענס.

דאס ליעגט שוין אין דער מענשליכער נאַטור: וואס מעהר דיא גענאָסען פון דרויסען האַבען דעם „אַרבייטער רינג“ איגנאָרירט, אַלץ ענגער און אַלץ פעסטער האבען זיך צוגעבונדען איינע צו דיא אַנדערע זיינע מיטגליעדער פון אינעווייניג. ווען מען האט ניט געקענט קריגען לעקטשורערס פון דיא גענאָסען פון דרויסען, דאַן האט געג. שוואַרץ, איינער פון דיא עלטסטע מיטגליעדער, אונערמיעדליך געלעקטשורט אין פערלויף פון יאהרען. דער פעראיין האט פאָרטגעזעצט זיין טהעטיגקייט, פעראייניגענדיג פּראַקטישע הילפע מיט אידעאַלע שטרעבונגען, און בלייבענדיג נייטראַל צו דיא אַללע קעמפפע אין דער בעוועגונג. דיא מיטגליעדער האבען געקענט זיין פון פערשיעדענע ריכטונגען—סאָציאַליסטישע רעכט־גלויביגע, סאָציאַליסטיישע אפיקורסים, אדער אַנאַרכיסטען; אבער נאר אויסערהאַלב דעם פעראיין, אינעווייניג זיינען זיי אימער פערבליעבען פריעדליכע און פריינדליכע מיטגליעדער; דער שטן פון צאַנקערייען האט דעם שוועל פון פעראיין ניט איבערגעשפּרונגען.

מיט דער ערשיינונג פון דעם „פאָרווערטס“ פאַנגט זיך אָן דער ריכטיגער וואוקס פון דעם „אַרבייטער רינג“. דיא אָפּאָזיציאָן, וועלכע האט שליעסליך געפיהרט צו דער גרינדונג פון דיעזער צייטונג, האט ארייגעבלאָזען א נייעם גייסט אין דער בעוועגונג; דיא אַלטע גענאָסענשאַפטליכע בעגריפּע זיינען דורכגעלופטערט געוואָרען, עס איז אנגעשטאַנען א צייט פון פרייע נאַכדיינקונג, פון פרייע קריטיק, און דער „ארבייטער רינג“ איז געוואָרען מעהר פערשטענדליך; מען האט זיך צו איהם נעהענטער צוגעקוקט; ער האט שוין ניט אויסגעוויעזען אַזוי האַמאַטנע פאר דיא גענאָסענשאַפטליכע אויגען. דער „פאָרווערטס“ וויעדער, האט זיך גענויטהיגט אין סימפּאַטהיע, ער האט געזוכט סימפּאַטייזער. און ער האט זיך גערן געעפענט פאר יעדע סאָציאַליסטיש־געזאָנענע אָרגאַניזאַציאָן, דערמיט פאַנגט זיך אָן א נייע בלעטעל אין דער געשיכטע פון „ארב. רינג“. דער „פאָרווערטס“ האט זיך געעפענט פאר דעם „אַרבייטער רינג“ און דער „ארבייטער רינג“ האט זיך געעפענט פאר'ן גרויסען פובליקום. אין פערלויף פון א פּאָאר יאהר איז דיא צאָהל פון דיא מיטגליעדער געוואָרען אַזוי גרויס, דאס דער פעראיין האט ערלויבט דיא אַפּטאונער און דיא ברוקלינער צו פערזאַמלען זיך אין בעזונדערע לאָקאַלען. דאַן האט זיך דער פעראיין צוטהיילט אויף דריי

ברענטשעס. דאס זיינען דיא איצטיגע ברענטשעס 1, 2 און 3. זיי זיינען אבער געבליעבען טהיילען פון איין גאנצעס. דער אונטערשיעד איז דא נור געווען אין דיא מיטינג־לאקאלען.

ארום 1900טען יאהר האט זיך אנגעפאנגען צווישען דיא מיטגליעדער א בעוועגונג צו גרינ־דען אן ארדען; דיא איניציאטיווע איז געקומען פון דער איצטיגער ברענטש 1. עס האבען זיך געפונען געגנער מיט טענות, אז אין אן ארדען וועלען פערקלענערט און פערשוואונדען ווערען דיא געפיהלען פון ברידערליכע איבערגעבענהייט, וועלכע קענען עקסיסטירען נור אין אן ענגען קרייז פון אלטע און גוטע בעקאנטע. דיא מאיאריטעט איז אבער געווען פאר אן ארדען אי אויס אידעא־לע, אי אויס פראקטישע גרינדע; זייענדיג אן אר־דען וועלען דיא ווירקונג, דער וואקסען, די בעדיי־טונג פון „ארבייטער רינג" ווערען אזוי גרויס, דאס עס איז כדאי צו אפפערן פאר דעם מיט דיא בעסטע געפיהלען; זייענדיג אן ארדען, וועלען אויך דיא הוצאות ווערען קלענער, און דיא עק־זיסטענץ בעסער.

אין 1901 יאהר איז געגרינדעט געווארען דער ארדען פון „ארבייטער רינג". מיט גרויס מיה האט מען ארויסגעקראגען א סטייט־טשארטער; דער „ארבייטער רינג" האט בעקומען דאס רעכט אלס ארדען צו ארגאניזירען ברענטשעס. געג. פייגענבוים איז אנגעשטעלט געווארען אלס סע־קרעטער.

אין מאי 1901 איז אבגעהאלטען געווארען די ערשטע קאנווענשאן פון ארדען „ארבייטער רינג". זיא האט אבער פראקטישעס ווייניג אויפ־געטהאן. דיא ארבייט פון ערשטען יאהר איז אויך געווען מיט ווייניג ערפאלג. עס האבען גע־פעהלט דיא נויטהיגע פינאנציעלע מיטלען, אום א ריכטיגע אגיטאציאן אנצופיהרען. דאס גאנצע געלד פון דיא ערשטע דריי ברענטשעס איז אוועק־געגאנגען אויף ארגאניזירען זיך. א גאנץ אנדער שטימונג האט אבער געהערשט אויף דער צווייטער קאנווענשאן אין 1902. דיעזע קאנווענשאן איז געפייערט געווארען מיט א פאראד, מיט א מאסענפערזאמלונג, מיט בעגייסטערונג. דער ארדען האט שוין געהאט ביי א טויזענד מיטגליע־דער מיט איניגע ברענטשעס איבער'ן לאנד.

עס איז דאן קלאר געווארען, אז דער „אר־בייטער רינג" האט א גרויסען און ברייטען פעלד פאר זיין טהעטיגקייט, אז ער האט פאר זיך א גלענצענדע און הערליכע צוקונפט. דאס האט זיך גאנץ אונבעשטרייטבאר ארויסגעוויזען אויף דער דריטער קאנווענשאן אין 1903. צו דיעזער קאנווענשאן איז מען שוין געקומען מיט פערטרע־טער פון 24 ברענטשעס און אנדערטהאלבען טוי־זענד מיטגליעדער.

דיא גרעסטע בעגייסטערונג האט געהערשט צווישען דיא מיטגליעדער; יעדער איינציגער האט געזעהען, וויא דיא גרעסטע ערווארטונגען זיינע ווערען פערווירקליכט, וויא דער „ארבייטער רינג" פערנעהמט זיין פאסענדען עהרען פלאץ אין דער בעוועגונג, וויא דיא צייט איז ניט ווייט, ווען ער וועט ווערען דער ארדען פון אללע אויפ־געקלעהרטע אידישע פראלעטאריער אין לאנד.

מיט 10 יאהר צוריק פלעגט אנקומען מיט צרות איידער דער ארבייטער רינג פלעגט אויס־בעטען אין דער סאציאליסטישער פרעססע פלאץ אויף א בעריכט; נאך מיט קנאפע 2 יאהר צוריק האט ער ארויסגעלאזען, וויא דיא רעוואלוציאנע־רען אין רוסלאנד, א העקטאגראפירטע קליינע בלעטעל, ווייל עס איז ניט געווען וואו און מיט וואס צו דרוקען. איצט האט דיא קאנווענשיאן בעשלאסען, אז דער „ארבייטער רינג" זאל האבען 2 קאלומס יעדע וואך פאר אגיטאציאן אין „פאר־ווערטס" און אין דער „פרייע ארבייטער שטי־מע".

יעדער מיטגליעד האט זיך געקענט איבער־צייגען וויא גרויס עס איז דער אונטערשיעד צווישען ארדענס, וועלכע ווערען אנגעפיהרט פון פראפעסיאנעלע כאפ־לאפער, פון מענשען וואס דיענען פאר געלד און נור פאר געלד, און צווישען ארדענס, וועלכע ווערען אנגעפיהרט פון פארטגע־שריטענע פראלעטאריער, פון מענשען וואס זיי־נען געוואהנט צו אפפערן און זיינען בערייט צו אפפערן פאר זייערע אידעען. דער ארדען „אר־בייטער רינג" איז אויסגעוואקסען זעהר גרויס, וועהרענד דיא הוצאות זיינען כמעט ניט גרעסער געווארען — א זאך וואס איז ניט געהערט געווארען אין אנדערע ארדענס.

אויף דער דריטער קאנווענשאן האט געג. פייגענבוים רעזיגנירט און האט רעקאמענדירט אויף זיין פלאץ געג. ראזענצווייג. דיא קאנווענ־שאן האט דיא רעקאמענדיישען אנגענומען. אויף דיעזע קאנווענשאן זיינען געמאכט געווארען קליינע ענדערונגען אין דיא קאנסטיטושאן.

דער ארדען גיט איצט 6 דאלאר א וואך קראנ־קען־בענעפיט און 400 דאלאר טוידטען־בענעפיט פון א מאן און 200 דאלאר פון א פרוי.

דאס איז אבער ניט אללעס. דער „ארביי־טער רינג" גיט זיינע מיטגליעדער פיעל מעהר;

ער גיט זיי דיא לעקציאן פון סאלידאריטעט, וויא גרויס עס איז דיא מאכט פון איינינקייט, וויא שעהן, וויא ערהאבען זיא איז; ער ווייזט זיי אן וויא פיעל דיא ארבייטער האבען צו ערדייכען, וויא פיעל זיי קענען ערדייכען, אויב זיי וועלען נאר וויסען אויסצונוצען זייערע אייגענע קרעפטען. דיעזער אָרדען מאכט זיי ענטוויקעלטער, מונטערער, פעהיגער צו זעהען עס און צו בעגרייפען עס. ווען דער מענש איז עלענד, צוגעשטיקט פון נויטה און ארומגערינגעלט מיט מורא פארן מארגענדיגען טאג, דאן קען ער זיך ניט ערהויבען מאראליש און אינטעלעקטועל; דאן קען ער זיך ניט דורכדרינגען מיט דיא שטאלצע און מוטהיגע אידעען פון פראלעטאריאט—מיט דיא סאציאליסטישע אידעען.

דאס איז דיא צוציהונגס־קראפט פון „ארבייטער רינג, וועלכע ווערט גרויס און גרעסער אין די קרייזען פון דיא אויפגעקלעהרטע ארבייטער. 12 יאהר זיינען שוין פאראיבער, זייט דער קאמפף צווישען דיא סאציאל־דעמאקראטען און דיא אנארכיסטען האט געהאלפען צו בעשאפען דעם „ארבייטער רינג". יענע אלע קריגערייען זיינען שוין אוועקגעשוואומען אין טייך פון פערגעסענהייט. עס איז פון זיי געבליעבען דער „ארבייטער רינג", וואוהין פיעלע האבען זיך פון דיעזע מלחמות געראטעוועט. ווען עס האבען דיא לעצטע יאהרען אויסגעבראכען מחלוקות נאך מיט מעהר פרישקייט און וועניגער טעם, צווישען דיא סאציאל־דעמאקראטען זעלבסט, און ווען דער שלאכט־פעלד איז פול געווארען מיט דערשלאגענע נשמות, דאן איז דער „ארבייטער רינג" ווידער געווארען א רעטונגס־פלאץ, וואוהין עס זיינען אנטרונען געווארען דיא מיעדע און פערצווייפעלטע.

אזא מזל האט ער שוין, דער „ארבייטער רינג". זיינע גרינדער, נאטירליך, האבען ניט געקענט אויפהויבען דעם שלייער פון דער צוקונפט און אריינקוקען דארט; זיי האבען ניט געקענט פאראויסזעהען דיא פולע בעדייטונג פון זייער פעראיין, דיא ריכטיגע ראלע, וואס ער וועט שפיעלען אין דער אידישער בעוועגונג. זיי האבען נור געזעהען ארום און ארום, וויא מען פערשטעהט זיי ניט, וויא מען קוקט אויף זיי קרום, וויא מען איגנארירט זיי. זיי האבען אבער זייער מוטה ניט פערלארען—דעם מוטה, וואס קומט פון ערנסטע איבערגעבענהייט; זיי האבען ניט פערלארען דעם גלויבען, וואס קען ריהרען בערג. און זיי האבען זיך אין זייערע בעסטע האפנונגען ניט גענארט; דער ערפאלג פון „ארבייטער רינג" האט אלע זייערע בעסטע האפנונגען איבערטראפען, דער מזרח־וואנד אין דער בעוועגונג האט זיך געהאלטען ווייט פון איהם, דארום האט ער אזא סימפאטישען, הערצליכען כאראקטער.

---

דאס איז אין קורצען דיא געשיכטע פון „ארבייטער רינג", וועלכע איז בעלעהרענד אין פיעלע פרטים. קיינע קינסטליכע מיטלען האבען איהם צום לעבען ניט ארויסגערופען און ביים לעבען ניט איינגעהאלטען, דארום איז ער ארויסגעקומען אזוי געזונד און פעסט און לעבענס־פעהיג. קיינע מאסענפערזאמלונגען האבען איהם ניט אויפגעבלאזען, קיינע רעדען ניט אויפגעקנאקט, קיינע ארטיקלען ניט אויפגעפלאמט, דארום איז זיין ענטהוזיאזמוס ניט אויפגעבלאזען. דארום איז ער נאך ביז איצט ניט אויסגעלאשען געווארען.

---

אין איינינע טעג ארום וועט דער „ארבייטער רינג" אבהאלטען דיא פיערטע קאנווענשאן. מען ערווארטעט, דאס זיא וועט זיין דיא מעהר בעגייסטערטע פון אלע פריהעריגע קאנווענשאנס. אויף דיעזער קאנווענשאן וועט דער אָרדען קומען מיט פערטרעטער פון ביינאהע 70 בראנטשעס, צווישען זיי אויך איינינע פרויען בראנטשעס, וועלכע צעהלען צוזאמען העכער אלס 3 טויזענד מיטגליעדער, מעהר אלס נאך אמאל אזוי פיעל וויא פאר א יאהרען. ער וועט אויך קומען מיט א קאפיטאל פון 15 טויזענד דאלאר, וועהרענד מיט א פאאר יאהר צוריק איז זיין קאסע אין גאנצען פוסט געווען.

ער קומט אויך מיט א גוטען נאמען, וועלכען זעלטען וואסערע היגע אידישע ארבייטער־ארגאניזאציאנען האבען זיך ווען עס איז ערווארבען. דער אָרדען איז ביי אלע מיטגלידער אזוי טהייער און חשוב, ווייל ער זארגט וועגען דיא געזונדע ניט וועניגער וויא וועגען דיא קראנקע, וועגען דיא נשמות ניט וועניגער וויא וועגען דיא קערפער, וועגען פאלקאמענע בעפרייאונג פון נויטה און פון צרות ניט וועניגער וויא וועגען פערגרינגערונג אויף א ווילע און מיט קליינינקייטען.

לעצטען יאהר האבען פיעלע בראנטשעס סיסטעמאטיש געהאלטען בעלעהרענדע לעקטשורס. דיא „צוקונפט", וועלכע דיא בראנטשעס האבען מיט א פאאר יאהר צוריק אויפגעלעבט, איז דיעזען יאהר מעהר וויא אימער פון זיי אונטערשטיצט געווארען. דיא בראנטשעס (וואס אף

ליבאר) האט געמאכט צום ערשטען דעם פארשלאג ארויסצוגעבען פון דאס ניי דיא „צוקונפט“ און דיא איבעריגע ברענטשעס האבען זיך אויף דעם אבגערופען; זיי האבען בייגעשטייערט א גרייכען טהייל פון דעם טויזענד דאלאר פאנד. זייט דאן ווערט דיא „צוקונפט“ אויפגעהאלטען דורכאויס כמעט פון דיא ברענטשעס. אין דיא ברענטשעס אגיטירט מען אויף פאר'ן „פארווערטס“ און מען פערשפרייט איהם אין פערשיעדענע שטעדט.

דער „בונד“ פון רוסלאנד איז אונטערשטיצט געווארען פון דיא ברענטשעס אויף דעם שענסטען אופן. דיא אפפערוויליגקייט וואס זיי האבען דא ארויסגעוויזען, איז איבערראשענד. זיי ענטזאגען אויך ניט אין זייער שטיצע דיא סאציאליסטישע פארטיי, יעדע יוניאן, יעדען פראגרעסייוען פעראיין.

דער ארדען איז אלין מעהר בכוח צו טהאן און אלין מעהר טהוט ער, און דיא האפנונגען פון זיינע מיטגליעדער פליהען אלין העכער. ער פערשפרייט זיך אלין מעהר איבער'ן לאנד, און וואו נור ער פערשפרייט זיך, דארט ווערען אויך פערשפרייט צווישען דיא אידישע ארבייטער איהעלע שטרעבונגען, שעהנע געפיהלען און ליכטיגע געדאנקען.

זיין וואוקס געהט אן מעכטיג, געזונד און אונאויפהערליך, אזוי וויא א נאטור־פראצעס, אזוי וויא דער גאנג פון דיא מענשהייט פארווערטס. לאמיר האפען, אז דיעזער וואוקס וועט ניט אבגעשטעלט ווערען, ביז וואנען ער וועט זיך פאנאנדערצווייגען איבער אללע אונזערע קווארטאלען און הייזער און וואהנונגען, וואו נור עס געפינען זיך אידישע פראלעטאריער.

א. ליעסין.

# אונזער פארטיי־טאג

## וועגען דיא קאנווענשען פון דער סאציאליסטישער פארטיי.

דעם ערשטען מאי, אין דעם אינטערנאציאנאלען ארבייטער יום טוב וועט דיא אמעריקאנער סאציאליסטישע פארטיי אבהאלטען א קאנווענשען אין שיקאגא צו נאמינירען קאנדידאטען פיר פרעזידענט און וויס פרעזידענט און צו רעגולירען איהרע אנגעלעגענהייטען.

דיא קאנווענשען וועט האבען צו בעטראכטען פיעלע ערנסטע פראגען. די אויגען פון אלע סאציאליסטען אין דיא פעראייניגטע שטאאטען, וויא אין איראפא, וועלען זיין געווענדעט צו שיקאגא. זייט דיא סאציאליסטישע פארטיי האט זיך געבילדעט דורך דער צוזאמענשמעלצונג פון דער סאציאל דעמאקראטישער פארטיי און פון דעם גרעסטען טהייל פון דער סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי, האט שוין פיעלעס פאסירט אויפצולעבען דיא האפנונגען פון דיא גענאסען אויף דער צוקונפט פון אונזער בעוועגונג. דיא שפאלטונג אין דער ס. ל. פ., וועלכע האט פעראורזאכט גרויסע פערצווייפלונג דער פערלוסט פון גלויבען, וועלכער האט זיך געפיהלט אין דיא רייהען פון סאציאליסטען, דער צווייפעל אין דיא פעראייניגונגס קרעפטע פון דער בעוועגונג, וואס דיא פעססימיסטען האבען ארויסגעשפראכען, דענקענדיג, אז דיא פיעל יאהריגע שווערע ארבייט איז פערלארען געווארען אומזיסט, — דאס אלעס האט אבגעטראטען דעם וועג צו א געפיהל פון האפנונג און צוטרויען.

דיא פארטיי איז געוואקסען וויא אויף הייוען. דאס לעצטע יאהר איז דיא צאהל פון מיטגליעדער געשטיעגען אויף 50 פראצענט, ענדע דעצעמבער 1903 זיינען 20,669 סאציאליסטען געווען גוטשטעהענדע מיטגליעדער. דיא צאהל פון דיא ארגאניזירטע שטאאטען איז אויסגעוואקסען ביז 33. א גרויסע צאהל נאציאנאל ארגאניזאטארס רייזען ארום איבער'ן לאנד און פרעדיגען דאס עוואנגעליום פון סאלידאריטעט פון דער ארבייטער קלאסע און ווערען בעגריסט מיט פרייד און ענטהוזיאזמוס, זאגאר אין דיא ערטער, וואו פריהער מיט איינינע יאהרען האט מען זיי בעגעגענט מיט שפאט און געלעכטער. איבעראל הערשט דער גייסט פון טהעטיגקייט. דיא ארגאניזאציאן ווערט שטארקער, דיא פריהערע צומישונג פערשווינדעט. פיעלע שטעדט און זאגאר שטאאטען, וואו דיא ארגאניזאציאן איז ערשט ניט לאנג געווען שוואך, וואו דאס קלאסען־בעוואוסטזיין איז געווען בעגרענעצט מיט עקשנות און איינזייטיגקייט, געפינען זיך יעצט אין דיא ערשטע רייהען פון דיא ציעל־בעוואוסטע און ארגאניזירטע קאמעראדען, וועלכע

פערשטעהען גוט זייער פפליכט און דיא מיסיאָן פון דער פארטיי.

פיזישען און אנדערע פערדרעהעניכען גע־פינען מעהר קיין אנהענגערס. מען האָט שוין אויפגעהערט אפילו צו דיסקוטירען וועגען דעם. דאס זיינען שוין אבגעשלאָגענע הושענות. נאָר מיט דעם וואקסען פון דער פארטיי פיהלט מען דיא נויטוועגדיגקייט אין אן ענגערע ארגאניזא־ציאָן, אין צענטראליזירטע אנשטרענגונגען

ווען דיא פארטיי האָט זיך נאָך דער שפאל־טונג אין דער ס. ל. פ. אָרגאניזירט, האָבען דיא גענאָסען, וועלכע זיינען שוין געווען גענוג אנ־געלערענט פון ביטעדער ערפאהרונג, וויא גע־פעהרליך עס איז איבערצוגעבען צו פיעל מאכט צו איינצעלנע פערזאנען, איבערשפאנט דיא גרע־נעץ. זיי האָבען געשטרעבט צו פאָלשטענדיגע דעצענטראליזאציאָן. דיא פראקטיקע האָט אָבער איבערצייגט, אז ביידעס איז ניט גוט פאר דער פארטיי און אז דער ערפאָלג פון דער בעוועגונג און איהר זיכערהייט ליעגען אין "גאָלדענעם מיטען".

דיא קאָנווענשען וועט האָבען צו פערבעסע־רען דיא קאָנסטיטושען פון דער פארטיי מיט פונקטען וועגען א פערגרעסערונג פון דער פאָל־מאכט פון נאציאָנאלען קאָמיטעט, אום ער זאָל ווירקליך זיין פעהיג צו פיהרען בעסער דיא אגי־טאציאָנס און דיא ארגאניזאציאָנס ארבייט.

וויא צו ערדייכען דיעזען צוועק, אום עס זאָל ניט שאדען דער אויטאָנאמיע פון די שטאאט אָרגאניזאציאָנען, וועט זיין דיא הויפט אויפ־גאבע פון דער קאָנווענשען. מען האָט אויך פאר־געשלאָגען אז דיא פארטיי זאָל גרינדען א צענ־טראלע ליטעראַרישע אגענטור פיר דיא אויס־גאבע און דעם פערקויף פון נוצליכע און געזונדע ליטעראטור פיר דיא אגיטאציאָן און דיא ער־ציהונג פון דיא מאסען.

געוויס, קיינער וויל ניט איינפיהרען איר־גענד וועלכע אַרט צענזור, און עס איז נויטהיג אז דיא סאָציאליסטען זאָלען האָבען דיא מעגליכ־קייט צו לעזען און אויסהערען אלע זייטען, נור פיעלע גענאָסען בעהויפטען מיט רעכט, אז דיא נייע קאמעראדען און סימפאטהיזירער זאָלען קריגען אזא ליטעראטור וואס איז איינשטימענד מיט דער לעהרע פון סאָציאליזמוס. פיעלע קא־מעראדען זיינען אין א פערלעגענהייט, ווען עס קומט זיי אויס צו רעקאָמענדירען ביכער זייערע פריינד, וועלכע זיינען נאָך ניט בעקאנט מיט דער פהילאָזאָפיע פון סאָציאליזמוס; עס קומט זיי אויס צו פערשפרייטען אזא ליטעראטור, וועלכע איז פערפיהרענד און שעדליך. דיא רע־קאָמענדאציאָן פון דער פארטיי, וועלכע וועט אנצייגען אויף געוויסע גוטע ביכער, בראשורען און ד. ג., וועט זיין א גרויסע הילפע פאר דיא גענאָסען.

צווישען דיא אנדערע וויכטיגע אנגעלעגענ־הייטען וועלכע וועלען צוציהען דיא אויפמערק־זאמקייט פון דער קאָנווענשען, וועט זיין דער פארשלאג, אז דיא אויסגאבען פון דיא דעלעגא־טען צו דער נאציאָנאל קאָנווענשען זאָלען גע־דעקט ווערען פון דער פארטיי, אנשטאַט צו זאמ־לען זיי אין דיא שטעדט אדער שטאַאטען; אויך וועט מען פערהאנדלען וועגען דיא נוצען און מיסברויכען פון רעפערענדום, וועגען דיא רעווי־זיאָן פון דיא מינימאל פאדערונגען אין אונזער פלאטפאָרם און וועגען אונזער האלטונג צו דיא טרייד יוניאָנס.

פיעל גענאָסען פאָרדערן, אז די פארטיי זאָל דעקען דיא אויסגאבען פון דיא דעלעגאטען, אום צו געבען דיא שוואכערע שטאאטען א מעגליכ־קייט צו זיין גוט רעפרעזענטירט. עס איז אבער א גרויסע פראגע אויב דאס איז צוועקמעסיג און פערנינפטיג. ווען מען זאָל אזא פארשלאג אנ־נעהמען, וואלט מען נאטירליך געשיקט מעהר דעלעגאטען. מיר קענען נאטירליך ניט אננעה־מען קיין נדבות פון קאפיטאליסטען פאר אונזער קאמפיין־פאָנד, זיי וועלען אונז איבריגענס גאָר ניט געבען, ווייל זיי ווייסען, אז זיי וועלען פון אונז קיין האָניג ניט לעקען. דיא פארטיי וועט זיין געצוואונגען ארויפצולעגען א שטייער צו דע־קען דיא עקספענסעס, זאָ דאס יעדער שטאאט וועט מוזען צאָהלען זיין חלק לויט נאָך דער פראָ־פארציאָנעלער רעכנונג. די שוואכערע שטאאטען וועלען אלזאָ מוזען טראגען א שטייער לאסט, וועלכע זיי קענען יעצט לייכט אויסמיידען, ווען זיי וועלען שיקען ווענינער דעלעגאטען. איבער־דעם איז דיא זאמלונג פון דיזע ספעציעלע צאה־לונגען א גאר ניט לייכטע זאך און מען וועט נאָך פערליערען איינינע מיטגליעדער, וועלכע וועלען ניט זיין אימשטאנדע צו בעצאָהלען דיא נייע בייטרעגע. ווען מען וועט ניט קאָלעקטען דיא גאנצע סומע פון דיא אבצאהלונגען, וועט עס פעראורזאכען א פערשווערונג פון דער פאר־טיי'ס פאָנד און דערמיט שטערען דיא אגיטא־ציאָנס ארבייט. דיא לאסט וועט דארום ווידער פאלען אויף דיא יעניגע, וועלכע גיבען אימער זייער חלק צו פערגרעסערען דיא פאָנדס, וואס זיינען נויטיג פיר דיא אויפהאלטונג פון אָרגאני־זאטאָרס און אגיטאטאָרס.

דיא פראגע וועגען רעפערענדום איז פיעל וויכטיגער. דיא לעצטע 3 מאָנאטען האבען מיר צוגעזעהען, וויא א פארשלאג איז אנגענו־מען געוואָרען דורך רעפערענדום, אום עס בליי־צו וויעדערהאָלען באלד דורך אן אנדער רעפערענ־

דום. עטוואס איז דאָ זיכער ניט ריכטיג געווען. עס שיינט, אַז דיא מיטגליעדער האבען ניט פאָלקאָמען פערשטאַנען דיא פארשלעגע. דאס רעכט פון רעפערענדום איז נאַטירליך זעהר א טהייערער, און מען דארף דארום אויסמיידען, אז מען זאָל איהם קענען מיסברויכען און לעכערליך מאַכען.

מען האט דארום פארגעשלאָגען, אַז איין פראַגע זאָל ניט פארגעלייגט ווערען צו א רעפערענדום א צווייטען מאָל ביז א געוויסע צייט וועט פאריבערגעהען. אַזוי וויא פארשלעגע ווערען קיינמאָל ניט פארגעלייגט פינקטליך אין דערזעלבער שפראַך, וועט אַזאַ בעשטימונג געבען דעם נאַציאָנאַל סעקרעטער אדער דעם נאַציאָנאַל קאָמיטעט דיא מאַכט צו פערטייטשען און ערקלערען דעם פארשלאַג.

אבער נאָך דער ערפאַהרונג מיט דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פאַרטיי ווילען דיא מיטגליעדער וואהרשיינליך ניט דערלאָזען דערצו.

דער בעסטער אויסוועג שיינט צו זיין: ערשטענס, צו פערגרעסערען דיא צאָהל פון לאָקאַלען אדער דיסטריקטען, אום צו קענען פערלאַנגען א רעפערענדום, און, צווייטענס, ריכטיג און גענוי צו קענען דיסקוטירען דיא פראַגען איידער מען געהט איבער צו אַן אַלגעמיינעם וואָוט.

יעדער פארשלאַג, איידער ער געהט איבער צו א דזשענעראַל וואוט, נאכדעם ווי א בעשטימטע צאָהל לאָקאַלען פערלאַנגען עס, מוז 30 טעג זיין אָפען פאר דיסקוסיאָן און אמענדמענטס. אַזעלכע אמענדמענטס מוזען זיין בעשטעטיגט פון א געוויסע צאָהל לאָקאַלען, לאָמיר זאָגען דריי. ווען דיא צייט פאר אמענדמענטס און אויסבעסערונגען איז פאראיבער, זאָל מען דעם פארשלאַג און דיא אמענדמענטס פערעפענטליכען און 30 טעג צייט געבען פאר דיסקוסיאָן, איידער מען געהט איבער צו אַן אַלגעמיינעם וואָוט.

אויף אַזאַ אופן ווילען דיא גענאָסען, וועלכע זיינען איינשטימיג מיט א געוויסען פארשלאַג נאר זיינען ניט צופרידען מיט דיזע אדער יענע פראַזע אדער א וואָרט אדער ווילען עפּעס אויסבעסערען, האבען דיא מעגליכקייט אויסצופיהרען זייער וואונש. אין פערלויף פון דיזער צייט וועלען דיא גענאָסען קענען גרינדליך דיסקוטירען יעדען פארשלאַג, און מען וועט אַזוי קענען אויסמיידען אַזעלכע מיספערשטענדניסע וויא ווען מען האט געשטימט וועגען דעם פלאַץ פון נאַציאָנאַלען קאָמיטעט.

דיא רעוויזיאָן פון דער פלאַטפאָרם און בעזאָנדערס פון דער מינימום־פראָגראַמע וועט ארויסרופען אַן אַלגעמיינע דיסקוסיאָן. דיא מינימום־פאָדערונגען, וועלכע בעריהרען אייגענטליך פראַגען פון טאַקטיק מעהר ווי פון פרינציפּען און וועלכע טראָגען אַ לאָקאַלען כאַראַקטער, דאַרף מען אין גאַנצען אויסלאָזען. זיי געהערען מעהר צו פלאַטפאָרמען אין שטעדט און סטייטס וויא צו א נאַציאָנאַלע פלאַטפאָרם. אויסערדעם איז עס שטענדיג מעגליך, אַז זיי זאָלען אין גאַנצען אדער אין א צוקאָליעטשעטער פאָרמע אנגענומען ווערען פון קאַפּיטאַליסטישע פאַרטייען.

דיא טרייד־יוניאָנס פראַגע וועט, אָהן צווייפעל, זיין דיא ערנסטעסטע פראַגע אויף דער קאָנווענשאָן. דער שטרייט צווישען דער „אַמעריקאַן לייבאָר יוניאָן“ און „אַמעריקאַן פעדערײשען אָוו לייבאָר“ וואַקסט און דורך דעם ענטשטעהט א געפיהל פון ביטערע פיינדשאַפט, וואָס וועט קיין גוטעס ניט ברענגען דיא אַמעריקאַנער ארבייטער.

לאָזענדיג אָן א זייט דיא פראַגע: „וועלכע אָרגאַניזאַציאָן איז מעהר ראַדיקאַל“, מוזען דיא סאָציאַליסטען געדענקען, אַז דער גרונד פון דער סאָציאַלער בעוועגונג איז „דיא סאָלידאַריטעט פון ארבייטער־קלאַס“. דיא סאָציאַליסטען מוזען דארום ארויסטרעטען געגען יעדען פערזוך אריינצושלעפּען צוויי ארבייטער אָרגאַניזאַציאָנען אין א ברודער־קריעג, נאָך מעהר דאַרפען זיי זיך היטען אריינגעשלעפּט צו ווערען אין אַזאַ קאַמפף. דער ארבייטער, וועלכער מונטערט אויף א ברודער־קריעג צווישען זיינע חברים, איז שולדיג אין פעררעטהע צו זיין קלאַסס. דער קאַמפף־געשריי פון אַלע ארבייטער דאַרף שטענדיג זיין מיט דיא ווערטער פון קאַרל מאַרקס:

„אַרבייטער אַללער לענדער פעראייניגט אייך“!

דיא קאָנווענשאָן וועט טהאָן זעהר גוט, ווען זיא וועט בעשטעטיגען איהר בעשלוס און זיך ענטזאַגען אריינצושלעפּען דיא פאַרטיי אין טרייד־יוניאָן קאַמפף. אַזוינע שטרייטען ברענגען אונפערמיידליך דערצו, אַז איין יוניאָן הויבט אָן צו סקעבען געגען דיא צווייטע. מיר, סאָציאַליסטען, טאָרען אויף קיין פאַל ניט צולאָזען דערצו. געדענקט דיא ערפאַהרונג פון „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר אַלליענס“....

מיר האבען פולען צוטרויען אין אונזערע גענאָסען. שיקט אונזערע בעסטע קרעפטע צו דער קאָנווענשאָן און זאָל זייער ארבייט געקרוינט ווערען מיט אמת'ן ערפאָלג פיר דיא בעפרייאונג פון ארבייטער קלאַס.

ל. מאלקיעל.



Исаакъ Беръ Левинзонъ

# יצחק בער לעווינזאָהן (ריב"ל)

## און זיין צייט.

רבי יצחק בער לעווינזאָהן איז איינע פון דיא מערקווירדיגסטע פערזאָנען פון יענער „שטורם און דראנג“־פעריאָדע אין דער געשיכטע פון די רוסישע אידען, וואָס ווערט געוועהנליך גערופען „השכלה פעריאָדע“. דיזע „שטורם און דראנג“־פעריאָדע איז אייגענטליך נאָך ניט אריבער. דיא רוסישע אידען לעבען איצט איבער א צייט, וואָס קען נאָך מיט מעהר רעכט טראָגען דעם נאָמען: „שטורם און דראנג־פעריאָדע“. דאָס איז פיעללייכט דיא מערקווירדיגסטע עפּאָכע אין דער אידישער געשיכטע זינט דאָס אידישע פאָלק עקזיסטירט; און אז מיר וועלען זיך איינקוקען גוט, וועלען מיר איינזעהען, דאָס יענע עפּאָכע, דיא השכלה־עפּאָכע, מיט 60—70 יאָהר צוריק, איז אייגענטליך ניט געוועזן קיין בעזונדערער, זעלבסטשטענדיגער קאפּיטעל אין דער נייעסטער אידישער געשיכטע, נאָר א מין איינלייטונג, א מין הקדמה צו א נייעם בלאַט, דעם וואונדערבארסטען בלאַט אין דער געשיכטע פון דער אידישער נאציאָן.

א הקדמה איז זעהר וויכטיג פיר א'ן ערנסטען בוך. עס איז פיעל לייכטער צו פערשטעהן דעם בוך, מען קען אין איהם פיעל טיעפער אריינקוקען, פיעל מעהר פון איהם לערנען, ווען מען לעזט איבער זיין הקדמה, און אונזרע עפּאָכע, וועלכע מיר לעבען יעצט איבער, וועלכע איז אזוי רייך אין פאסירונגען, אין ליידען, אין קעמפּפע, אין האָפנונגען איז דער ערנסטער בוך. אין וועלכען מיר זיינען דיא ווירקענדע פּערזאָנען. צו מיר ווילען, צו מיר ווילען ניט, צו מיר פערשטעהן, צו מיר פערשטעהן ניט — מיר מוזען נעהמען א'ן אנטהייל אין דיזע גרויסהיסטאָרישע פּאסירונגען, וועלכע געשעהען פאַר אונזערע אויגען, מיר מוזען זיין אי דיא לעזער אי דיא העלדען פון דעם בוך.

דערסטאָ וויכטיגער איז פיר אונז צו וויסען דיא הקדמה, צו לעזען דאָס ווירקען און דיא ליידען פון יענע ערשטע שוואלבען, וואָס האָבען געקעמפּפט און געליטען, געאָפּפערט זייער לעבען אין'ם מורא'דיגען קאמפּף און האָבען אונז דאָך געבראכט דיא ערשטע כאָטש שוואכינקע שטראהלען פון א נייעם גייסטיגען פריהלינג...

יא, דאָס איז געוועזן א גייסטיגער פריהלינג. א צייט, ווען דעם אידען'ס גייסט האָט פּלוצלונג אראָבגעריסען פון זיך דיא קייטען פון פינסטערניס און שימעל און האָט אָנגעהויבען מעכטיג צו שטרעבען צו ליכט און צו לעבען. קיין עכטער פריהלינג איז דאָס נאָך ניט געוועזן, קיין עכטער פריהלינג איז נאָך יעצט ניטאָ... דאָס איז געווען נאָר א'ן אויפוואכונג פון'ם טויזענדיאָהריגען הין־הער פּלעט, א מעכטיגער דראנג און דורשט נאָך לעבען, נאָך א געזונדען, מענשליכען לעבען, מיט אלע זיינע מענשליכע ליידען און פריידען.

שעהן איז געוועזן דאָס ערוואכען פון דעם אידענס גייסט, אָבער מורא'דיגע יסורים האָט דאָס געקאָסט. אונז איז יעצט כמעט שווער זיך פאָרצושטעלען, וויא שרעקליך עס איז געוועזן דער קאמפּף, איבערהויפּט דער אינערליכער קאמפּף פון דער נשמה. יעדעס פאָלק, יעדע נאציאָן האָט איבערגעלעבט דיא דאָזיגע עפּאָכע פון'ם גייסטיגען ערוואכען, פון ברעכען דיא אלטע געטער און שאפען זיך אויף זייער אָרט נייע, נייע שטרעבונגען און אידעאלען; אָבער ביי יעדען פאָלק איז דאָס צוגעגאנגען נאטירליך. דיא גייסטיגע רעוואָלוציאָן איז געוועזן א פאָלגע פון א רעוואָלוציאָן אין עקאָנאָמישען, פּאָליטישען און סאָציאלען לעבען. ווען א פאָלק האָט בעקומען נייע אידעען, האָט עס שוין געהאט דיא מאטעריעלע מיטלען מיט וואָס זיי צו פערטהיידיגען און דורכצופיהרען אין לעבען. דער לעבען איז שוין אין א סך פרטים געווען צוגעפּאסט צו דיא נייע בעגריפע און שטרעבונגען.

אזוי איז עס געוועזן ניט נאָר ביי יעדער נאציאָן, וואָס לעבט א נאטירליכען, נאָרמאלען לעבען, אזוי איז אויך געוועזן ביי אלע אייראָפּעאישע אידען אויסער רוסלאנד. דיא דייטשע,

פראנצויזישע און ענגלישע אידען האָבען געלעבט אונטער דעם דירעקטען איינפלוס פון דיא נייע אומשטענדען, אונטער וועלכע אייראָפּא האָט זיך געפונען א צייט פאַר און בעזאָנדערס נאָך דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט איבערגעקעהרט קאפויר דאס גאנצע געבוי און פאָרם פון דיא אייראָפּעאישע מלוכות. דיא אייראָפּעאישע אידען האָבען אין לעווינזאָהן'ס צייט נאָך ניט בעקומען אומעטום קיין גלייכע בירגערליכע און פּאָליטישע רעכטע. אָבער דאָך איז זייער פּאָליטישע און סאָציאלע לאגע געוואָרען פיעל בעסער.

דיא רעוואָלוציאָן פון 1789 און איבערהויפּט דיא רעוואָלוציאָן פון יאָהר 1848 האָט געהאט א וואָהלטהעטיגען איינפלוס אויף זייער לאגע. דיא נייע אידעען, וועלכע זיי האָבען ערוואכט אין זייערע מוחות, די נייע געפיהלען און שטרעבונגען, וואָס האָבען זיי בעגייסטערט, זיינען געווען א דירעקטע פאָלגע פון דיא נייע בעסערע אומשטענדען, אין וועלכע זיי האָבען אָנגעפאנגען צו לעבען, און דיזע אומשטענדען, דיא מענשליכערע בעהאנדלונג, וואָס זיי האָבען צום ערשטען מאָל פאר דעם גאנצען צוויי־טויזענד־יעהריגען לעבען אין גלות אָנגעהויבען צו געניסען פון דיא קריסטליכע פעלקער, האָבען אין זיי איינגעפלאנצט נאָך שעהנערע האָפנונגען אויף דער צוקונפט. דיזע בעסערע בעדינגונגען פון לעבען האָבען געמאכט מעגליך דיא ערשיינונג פון גרויסע אידישע רעפאָרמער, וועלכע האָבען געבראָכען און געריסען דעם אלטען שימעל רעכטס און לינקס און געמאכט א פרייען וועג צו דעם פרישען שטראָם פון נייע געדאנקען וואָס האָט זיך אריינגעריסען מיט אזא מאכט אין דעם אידישען קוואַרטאל. דיא ערוואכטע אידישע אינטעלליגענץ האָט זיך ניט בעגנוגענט מיט רעפאָרמען בלויז אין דעם לעבען פון אידישען פאָלק. און דער פּערזאָן פון די גרויסע פרייהייטס קעמפּפער בערנע, היינע, לאַסאַל און מארקס האָט זיא זיך געשטעלט אן דער שפּיצע פון דעם מענשליכען פּראָגרעס און האָט איבערגעטראָגען דעם קאמפּף פון א'ן ענג־רעליגיעזען באָדען אויף א ברייטערן און וייטערן פעלד, זיי זיינען שוין ניט געווען קיין שוואכינקע שוואלבעלאך, וואָס זאָגען אָן פון א קומענדען פריהלינג. דאָס זיינען נעווען ריזיגע קעמפּפער, וואָס האָבען געשאפען אי א פּלאן פון מלחמה אי א מעכטיגע אר־מעע פיר. דיא הערליכע אללמענשליכע אידעען פון סאָציאליזמוס.

אזוינע מעכטיגע גייסטער שפּרינגען ניט אראָב פון הימעל און ווערען ניט געשאַפען פון גאָר ניט. אין דעם פינסטערן געהעטאָ פון אייראָפּא איז שוין דורכגעדרונגען א סך ליכטיגקייט און פרייהייט אין פערגלייך מיט פריהערדיגע צייטען. אידען האָבען שוין געהאט דיא פולע מעגליכקייט צו נעהמען א'ן אנטהייל אין דער אייראָפּעאישער קולטור. זיי האָבען נאָך ניט געהאט קיין גלייכע רעכטע מיט דיא איבעריגע פעלקער, אָבער א סך רעכטע האָבען זיי שוין בעזעסען אין פערגלייך מיט פריהערדיגע צייטען. זיי האָבען געהאט דיא פרייהייט צו בילדען זיך, האָבען צו בילאָך בעקומען מעהר פרייהייט צו בעוועגען זיך אויסערהאלב דעם ענגען געהעטאָ און, דיא הויפּטזאכע, דיא אידישע אינטעלליגענץ האָט אָנגעהויבען אנערקענט און געשעצט צו ווערען פון דיא בעסערע, געבילדעטערע טהיילען פון דער קריסטליכער געזעלשאפט.

ניט אזוי איז אָבער געווען דיא לאגע פון דיא רוסישע אידען אין יענער צייט. זייער גייסטיגע ערוואכונג איז ניט געווען א דירעקטע פאָלגע פון זייער פּאָליטישען און סאָציאלען לעבען. דיא לאגע פון זייער פּאָליטישען און סאָציאלען לעבען איז, פערקעהרט, אלץ שלימער, אלץ דריקענדער געוואָרען. זיי זיינען געווען עהנליך צו א געזונדען מענשען, וועלכער איז פערגראָבען אין דער ערד ביז'ן האלז; מיט דיא אויגען קען ער זעהן, מיט דיא אויערן קען ער הערען אלעס וואָס לעבט און שוועבט ארום איהם, אָבער ער קען זיך ניט ריהרען, ער קען ניט נעהמען קיין אנטהייל אין דעם ארומיגען לעבען.

דער צושטאנד פון אזא מענשען איז א שוידערליכע טראגעדיע. אזא טראגעדיע איז געווען דאָס ערוואכען פון דער אידישער אינטעלליגענץ מיט 60—70 יאָהר צוריק אין דער השכלה־פּעריאָדע. דיא אידען זיינען דאמאלס געווען צווישען צוויי פייערן: וויא דער פערשטאָרבענער לעוואנדא דריקט זיך אויס, איז דער איד געווען צווישען פוילען און רוסלאנד וויא א יתום, וואָס איז נאָר וואָס איבערגעגאנגען פון א שטיעפמוטטער צו א שטיעפפאָטער. דיא לאגע פון אידען אין פוילען איז געווען עקאָנאָמיש און מאָראליש זעהר שלעכט. דיא רעב־

טע און פּריווילעגיען, וואָס זיי האָבען בעזעסען א לאנגע צייט פון די פּוילישע קעניגע און מאַגנאטען האָבען זיי אָנגעפאנגען צו פערלירען. אין דער איינציגער בעשעפטיגונג, וואָס איז זיי געווען ערלויבט און מעגליך געווען אין פּוילען—אין האנדעל, האָבען זיי אָנגעהויבען צו בעקומען שטארקע קאָנקורענטען. דיא פּעראָרימטע פּוילישע פּריצים, אזוי וויא יעצט דיא רוסישע פּריצים, האָבען, אונטער דעם איינפלוס פון דער וואקסענדער אויראָפּעאישער בורזשואזיע, זיך אליין גענומען צו מסחר. דאן איז שוין דיא אידישע בעפעלקערונג, פון א'ן עלעמענט, וואָס איז פריהער געווען נויטיג פיר דעם פּוילישען אדעל, פיר וועלכען מסחר און, איבערהויפּט, יעדע קערפּערליכע בעשעפטיגונג איז געווען א חרפּה, געוואָרען א שרעקליכער קאָנקורענט, וועלכען מען האָט געהאסט און געזוכט פון איהם פּטור צו ווערען. דער האס צום אידען איז געוואָרען נאָך שטארקער דערפאר, וואס דיא אידען זיינען שוין ניט געווען אזוי וויא פריהער, א פאָלק פון מה־יפית'ניקעס, איבער וועלכע מען האָט זיך געקענט מאכען לוסטיג און דורך וועלכע מען האָט געקענט אויסזויגען פון'ם פּויער דיא לעצטע קאפּ בלוט. פיעלע פון דער אידישער יוגענד האָבען גענומען א'ן אנטהייל אין דער פּוילישער קולטור, האָבען געלעזען און געלעבט, אזוי וויא עכטע פּאָליאקען, און געזוכט בעקאנטשאפט מיט דער העכערער פּוילישער געזעלשאפט. דאָס האָט זעהר אויפגעבראכט, וויא עס האָט אימער אין אלע לענדער פּאסירט, דיא פּוילישע נאציאָנאליסטען.

דעם טיעפען האס האָט מען ניט בעהאלטען, מען האָט איהם ארויסגעוויזען אומעטום : אין לעבען וויא אין דער פּרעסע. דער צאָרן פון דיזע פּאטריאָטען איז געוואָרען נאָך שטארקער דערפאָר, וואָס פיעלע אידען, פיהלענדיג דיא טיעפע פעראכטונג פון דעם פּוילישען אדעל און פון דער פּוילישער אינטעלליגענץ, האָבען זיך א בויג געטהאָן צו רוסלאנד, און געהאָפט צו בעקומען פון דער רוסישער רעגיערונג א פערבעסערונג פון זייער לאגע.

דיא רוסישע רעגיערונג, וועלכע האָט נאָך'ן פּוילישען מיאטעזש פון יאָהר 1831, איינגענומען פּוילען און צוזאמען מיט פּוילען בעקומען דיא אידישע בעפעלקערונג אלס א צוגאָב צו דער ירושה, האָט גאָר ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט דיא אידען. דיא רוסישע בעפעלקערונג, וויא אויך דיא רוסישע רעגיערונג האָבען זיך פאָרגעשטעלט דעם אידען אלס א פערשאָלטענעם מענשען, אלס א שרעקליכע בעשעפענים. וועגען האס איז דאמאלס קיין רעדע ניט געווען. דאָס געפיהל, וואָס דיא רוסישע רעגיערונג און דיא רוסישע געזעלשאפט האָבען געהאט צו אידען, איז געווען עקעל, פעראכטונג.

פון דעסטוועגען האָט מען דאָך געמוזט עפּעס בעשליסען, וואָס צו טהאָן מיט דער דאָזיגער „מתנה", מיט וועלכע דער זיעג איבער פּוילען האָט זיי מכבד געווען. א בעפעלקערונג פון עטליכע מיליאָן האָט דאָך עפּעס צו זאָגען. דערצו האָבען אידען געקענט ווערען געפעהרליך ווען זיי זאָלען מאכען יד־אחת מיט דיא פּאָליאקען. זיי זיינען געווען דער גרעסטער טהייל פון דער שטאָדטישער בעפעלקערונג אין פּוילען און ליטא. אין צייט פון א אויפשטאנד קענען זיי אָנמאכען דער רוסישער רעגיערונג גרויסע צרות.

דער בעסטער מיטעל אין דיעזער הינזיכט איז געווען דיא אידען צו רוססיפיצירען, דאָס הייסט : צו פערשפּרייטען צווישען זיי רוסיישע שפּראכע, רוסישע קולטור. ניט א מענשען, א מענשען מיט רעכט אויף לעבען גלייך וויא אלע מענשען, האָט דיא רוסיישע רעגיערונג געזעהן אין דעם אידען, נאָר א דאָרן אין דיא אויגען פון דיא פּוילישע מיאטעזשניקעס, א פעראכטעטען אָבער דאָך א נויטיגען מיטעל, מיט וועלכע מען קען שטיקען דיא פּוילישע פּאטריאָטען.

אין אזא צושטאנד זיינען דאמאלס געווען דיא אידען אין רוסלאנד. זיי האָבען געשוועבט צווישען הימעל און ערד : פון איין זייט געהאססט און פון דער אנדערער זייט פעראכטעט ; פון איין זייט געדריקט, פון דער אנדערער זייט געשטיקט. דיא נייע צוקונפט אונטער א נייע הערשאפט האָט געמאכט ציטערן דיא הארץ. עס האָט געשמעקט מיט נייע גזרות. מען האָט געשפּירט, אז דיא רוסישע רעגיערונג האָט פיעל געקלערט וועגען אידען, און דאָס ווייסען שוין אידען אויס פּראקטיקע : אז דיא מלוכה קלערט וועגען זיי, וועט שוין קיין גוט'ס ניט ארויסקומען. מען איז געווען אין איינע ציטערניס און שרעק פאר'ן מאָרגענדיגען טאָג.

דער שרייבער פון דיזע צייל ען געדענקט אזא בעשרייבונג פון יענער לאגע, לויט זיין מוטער האָט איהם געשילדערט פון איהרע קינדער־יאָהרען. איהרע עלטערן האָבען געהאלטען

א ווינהויז, וואוהין עס פלעגען אריינגעהן טרינקען שליאכטעס. פלוצלינג איז געוואָרען אין שטאדט א טומעל. צווישען אידען איז געוואָרען א מורא׳דיגער גערודער. מען האָט זיך דערוואוסט, אז ביים גובערנאטאָר ליעגט א געהיימער פאפיער וועגען אידען. דיא שליאכטעס, וואָס פלעגען אריין טרינקען, זיינען געווען מאָדנע אויפגעראמט, זיי האָבען גזאָגט אלעמען אז דיא פאפיער איז א בעפעהל אויסצו׳הרג׳ענען אלע אידען. „פערש נא פערש יאנקעליא פּאָזאביעם!“... האָבען זיי זיך געווענדעט צום שענקער, טראָץ דעם וואָס דיזער יאנקעל איז געווען פיר יענער צייט א געבילדעטער מענש, האָט געשפיעלט זעהר גוט פידעל און איז געווען מיט דיא „שררות“ פאניבראט.

דער אינהאלט פון׳ם פאפיער איז ענדליך בעקאנט געוואָרען: דאָס איז געווען א בעפעהל אז אידישע פרויען זאָלען אויסטהאָן דעם „קניפּ“ דאָס הייסט, דיא „בינדעס“ וואָס מען פלעגט טראָגען אויף׳ן קאָפּ און אָנטהאָן פשוט׳ע פאציילקעס. דאָס איז געווען פאר יענער צייט א מורא׳דיגע גזרה, אָבער דאָך האָט מען זיך פריי אָבגעזיפצט און געדאנקט גאָט, וואָס מי האָט דערמיט גע׳פּטר׳ט....

דיזע ערצעהלונג איז זעהר כאראקטערנע פיר יענער צייט.

* * *

אָט אין דיזער צייט פון פינסטערנים און עקאָנאָמישער דריקונג, פון שרעק און ציטערניס פאר דער אונבעקאנטער צוקונפט, האָט זיך א גאָס געטהאָן אויף דיא אידען פון ליטא און וואָהלין א שטראָם פון נייע געדאנקען, וועלכען עס האָט נאָר געקענט שאפען דער נייער לעבען אין אויראָפּא מיט זיינע פרישע מונטערע האָפנונגען און שטרעבונגען! פון צוויי זייטען איז געגאנגען דיזער שטראָם: פון בערלין דורכ׳ן פרייסישען גרענעץ אין ליטאָ, און פון גאליציען, פון לעמבערג און בראָד דורך וואהלין אין זיד־רוסלאנד. דער שטראָם האָט בעריהרט לכתחילה דיא יעניגע ליטווישע און זיד־רוסישע שטעדט און שטעדטלאך, וואָס ליעגען לעבען גרענעץ. דיזע האָבען געטראָגען דיא נייע אידעען ווייטער, צום מיטעלפונקט. דאָס איז ניט קיין צופאל, וואָס דיא ערשטע משכילים, דיא העברעאישע שרייבער און אויפקלעהרער פון׳ם פאָלק זיינען פון קאָוונא, שאוויל, זשיטאָמיר, קרעמעניץ, אָדעס. אויסער דיא אידען וואָס האָבען געוואָהנט נאָהענט פון גרענעץ, זיינען „פערכאפּט“ געוואָרען פון׳ם נייעם גייסט דיא אינגערע אידישע סוחרים פון׳ם מיטעלפונקט פון ליטא און זיד־רוסלאנד, וועלכע עס איז פאָרגעקומען, צוליעב מסחר, מאכען אָפטע רייזען נאָך אויסלאנד. דיא ערשטע קולטור־טרעגער פון דיא רוסישע אידען, וויא דיא ערשטע קולטור־טרעגער פון׳ם רוסישען פאָלק גופא זיינען געווען יונגע לייט פון דער העכערער און רייכערער קלאסע. דיא אידישע מאסע איז געווען צו אונוויסענד און דערשלאָגען, אום צו נעהמען א׳ן אנטהייל אין דער השכלה־בעוועגונג.

איבערהויפּט איז אין דער ערוואכונג פון דער אידישער און רוסישער אינטעליגענץ דאָ פיעל עהנליכעס. דיא עהנליכקייט אָבער איז מעהר אין דער ארט און וויזע, וויא אזוי דיזע ערוואכונג האָט פאסירט. דיא קוועלע, פון וואַנען דיא רוסישע געבילדעטע לייט האָבען געשעפּט זייערע נייע אידעען, האָט אויך געדיענט פאר דיא אידישע משכילים. דיזע קוועלע איז געווען אייראָפּא; פיר דיא רוסען: דייטשלאנד און פראנקרייך, פיר דיא אידען: דייטשלאנד און עסטרייך. דער אונטערשיעד צווישען דער ערוואכונג פון דער רוסישער און אידישער אינטעלליגענץ בעשטעהט אין דעם, וואָס א טהייל פון דער רוסישער אינטעלליגענץ האָט צוזאמען מיט דיא נייע גייסטיגע אידעען בעקומען אויך נייע פּאָליטישע און טיילווייז סאָציאלע אידעאַלען, וועהרענד ביי אידען האָט זיך דיא נייע געדאנקען־וועלט געדרעהט כמעט בלויז ארום ר ע ל י ג י ע ז ע פראגען, אזוי וויא דיא רעליגיעזע רעפאָרמען וואָלטען געווען דיא איינציגע זאך, וואָס אידען האָט געפעהלט. דיזער אונטערשיעד ערקלערט זיך דערמיט וואָס ערשטענס איז דיא רוסישע אינטעלליגענץ בעשטאנען פון פריצישע קינדער, וועלכע זיינען געווען נעהנטער צו דער נאטור, צום נאטירליכען פראקטישען לעבען, וועהרענד דיא אידישע יוגענד איז געווען פון טויזענדער יאָהרען אָבגעריסען מיט געוואלד פון דער ערד, מיט איהרע איינפאכע ערדישע אינטערעסען, און האָט גייסטיג געלעבט, טהיילס אין א פערטריקענטער לאנג־פערשוואונדענער פערגאנגענהייט, טהיילס אין א פאנטאסטישער דונקעלער צוקונפט. זייענדיג צו ווייט פון׳ם איינפאכען לעבען, האָבען זיי ניט געקענט פערשטעהן דעם פּאָליטישען, סאָציאלען און עקאָנאָמישען אונטערשלאג פון דיא נייע רעליגיעזע און

פילאָזאָפישע אידעען. ביי זיי איז געווען די רעפאָרם אין רעליגיאָן און אין דער פילאָזאָפיע א וויכטיגע זאַך זעלבסט פיר זיך, אָהן א שום שייכות צום עקאָנאָמישען, סאָציאַלען און פּאָליטישען לעבען.

איבריגענס זיינען די אידישע משכילים געווען אונטער דעם שטארקען איינפלוס פון די בערלינער און עסטרייכער משכילים, וועלכע זיינען אויך געווען ניט וויטזיכטיגער פאר זייערע ברידער פון רוסלאנד. די גאנצע ליטעראטור פון יענער צייט האט זיך בעשעפטיגט כמעט בלויז מיט רעליגיעזע, פילאָזאָפישע און פילאָלאָגישע פראגען. נור איינצעלנע פון דער אויסלענדישער אידישער אינטעלליגענץ, וויא א בערנע, היינע, משה העס און איבערהויפט לאַסאַל האבען זיך געקענט אויפהייבען צו אזא שטופע, אז זיי זאָלען אוועקווארפען די מעטאַפיזיק, דאָס הייסט, די טרוקענע רוחניות־פלפולים, און שטעלען זיך אַן דער שפּיצע פון די פּאָליטישע און סאָציאלע בעוועגונגען פון זייער צייט. דער נאַטירליכער געזונטער אינסטינקט האט זיי אונטערגעזאָגט, וואו מען דארף זוכען די אורזאכען פון דעם טויזענד־יעהריגען פינסטערען גלות און וואָס עס קען מאכען ווירקליך צו איהם א'ן עק. די איבריגע אידישע משכילים אין אייראָפּא, איבערהויפּט אין דייטשלאנד און עסטרייך, זיינען געווען צו קורצזיכטיג צו פערשטעהן דאָס וואָס דיזע עטליכע געניאלע גייסטער האבען פערשטאנען. אנשטאט צו פיהרען א קאמפף צוזאמען מיט די איבעריגע פאָרטגעשריטענע קרעפטען געגען די אייראָפּעאישע רעגירונגען און הערשענדע קלאסען איבערהויפט, האבען די אידישע משכילים געפיהרט א קאמפף בלויז געגען זייערע אייגענע דונקעלע אָרטאָדאָקסישע ברידער, אזוי וויא דיזע וואָלטען ווירקליך געווען שולדיג אין דעם, וואס די אייראָפּעאישע גייסטליכע און וועלטליכע דעספּאָטען האבען זיי טויזענדער יאָהרען געהאלטען פערשטיקט אין דעם ענגען, שמוציגען געהעטאָ, אָבגעריסען פון לופט, פון ליכט און פון לעבען!...

עס דארף אלזאָ קיין וואונדער ניט זיין, וואס די אידישע משכילים, וועלכע האבען בעקומען זייער השכלה פון זייערע דייטשע און עסטרייכישע ברידער, זיינען געווען, נאָך ענגער, נאָך קורצזיכטיגער פאר זיי. דער גאנצער השכלה־קאמפף איז געווען כמעט בלויז א מעטאפיזישער, האָט מיט'ן פשוט'ן לעבען געהאט ווייניג שייכות. די משכילים האבען אנגענומען דעם שטאנדפונקט פון דער רוסישער רעגיערונג אויף זייערע אָרטאָדאָקסישע ברידער. זיי האבען ניט פערשטאנען, אז די רוסישע רעגיערונג האט געשטרעבט נאָר צו רוסיפיצירען דאָס אידישע פאָלק און צו געברויכען זיי אלס א רוסיפיצירענדעם געצייג אין פוילען; זיי האבען געמיינט אין זייער קינדערשער נאאיוויטעט, אז די רוסישע רעגיערונג מיינט ערנסט צו בילדען דעם אידישען גייסט און מאכען זיי פיר פרייע רוסישע בירגער.

דערמיט ערקלערט זיך דער ביטערער, אָפט העסליכער קאמפף, וואָס האָט געהערשט צווישען די פאָטערס מיט די קינדער, צווישען די עלטערע און אינגערע ברידער און שוועסטער. ניט וויא ווירקליך גוטע און פערשטענדיגע לעהרער האבען זיך די משכילים געוויזען צו זייערע דונקעלע ברידער, וועלכע האבען צוזאמען מיט זיי געשמאכטעט און געליטען, נאָר וויא קאפּריזנע, פערביטערטע קינדער האבען זיי געוואָרפען, געשטורמט און געבראָכען; ניט געגען די אמת'ע קוועלע פון זייערע יסורים, געגען די רעגיערונג און די פריצים, האָבען זיי געצאָרנט, נאָר געגען זייערע אייגענע אונוויסענדע ברידער, וועלכע זיינען גאנץ אָפט געווען פּראקטישער פון זיי און האבען אינסטינקטיוו געפיהלט די „פריינדשאפט" וויא פון דער רוסישער רעגירונג אזוי אויך פון די רוסישע טשינאָווניקעס און פּוילישע פּריצים.

אין אזא הייסען און צו דערזעלבער צייט שרעקליכען מאָמענט, וואָס אידען האבען דאמאלס דורכגעלעבט אין רוסלאנד, איז געווען זעהר שווער צו בעטראכטען ברייטער און טיפער דעם אויסערליכען און אינערליכען לעבען. ווען מיר לעזען די העברעאישע ליטעראטור פון יענער צייט, זעהען מיר וויא כמעט קיינער פון די השכלה־קעמפּפער אין רוסלאנד איז ניט געווען פעהיג אויפצוהייבען זיך העכער אביסעל און בעטראכטען די פאסירונגען מיט א ברייטערע וועלט־אנשויאונג.

נאָר איין מענש איז דאן געווען א'ן אויסנאהמע. ער איז געווען דער איינציגער משכיל, וואָס האָט בעזעסען די פעהיגקייטען פון א קעמפּפער און פון א רעפאָרמאטאָר. זיין ווייטער און טיעפער בליק האָט דורכגענומען אלע זייטען פון לעבען: זיין וואָרט איז געווען א

פלאם, וואָס האָט ניט געברענט, נאָר געוואַרימט און געלייכט, אזוי וויא דער נביא פון דיא אלטע צייטען האָט ער אי געצאָרנט אי געטרייסט. ער האָט זיך ניט געדרעהט, וויא דיא איבריגע השכלה־רעפאָרמער אין דעם ענגען קרייז פון מעטאפיזיק. יעדער וואָרט זיינער איז געוועזן א פראָדוקט פון לעבען און געציעלט אין לעבען, אין דעם פּשוט׳ען ערדישען לעבען. ער האָט געוועקט דעם אידענ׳ס גייסט, דעם אידען׳ס הארץ צו א העכערן, שעהנערן לעבען און צו דערזעלבער צייט האָט ער פערשטאנען, אז ניט אָן זיי אליין הענגט אָב אָנצונעהמען דאָס, וואָס ער האָט זיי געפּרעדיגט. און ער איז דעריבער געוועזן א פרעדיגער אי א טאָלמעטשער פיר זיינע ברידער, וועלכע ער האָט געליעבט מיט דער צארטעסטער, הייסעסטער ליעבע. ער האָט געקעמפּפט מיט וואָרט און מיט טהאט.

דיזע מערקווירדיגע פערזאָן, וואָס האָט געהאט א׳ן אונגעהויערען איינפלוס אויף דיא גאנצע אידיישע דענקענדע יוגענד פון זיין צייט, וואָס האָט געשפּיעלט דיא גרעסטע ראָללע אין דער גייסטיגער ערוואכונג פון׳ם אידישען פאָלק אין רוסלאנד, וואָס האָט געגעבען דער אידישער אינטעליגענץ א ברייטערע וועלט־אנשויאונג, א באָדען פיר זייערע נייע אידעאלען, — איז געוועזן רבי יצחק בער לעווינזאָהן.

* * *

ער איז געבאָרען געוואָרען אין דעם יאָהר 1788, מיט א יאָהר פאר דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן, אין דער קליין־שטעדטעל קרעמעניץ, וואָהלינער גובערניע, לעבען דעם עסטרייכישען גרענעץ. דיא אומשטענדען זיינען געוועזן גינסטיג צו איהם אין זיין קינדהייט און יוגענד פיעל מעהר, ווי צו א סך אנדערע אידישע שרייבער און קולטור־טרעגער פון זיין צייט און אפילו נאָך אין אונזערע טעג. אויסערדעם וואָס ער איז געבאָרען געוואָרען אין א רייכע פאמיליע און האָט אין דיא יונגע יאָהרען ניט געוואוסט פון א קאמפף פאר׳ן ברויט, האָט ער נאָך געהאט דעם גליק צו האָבען אזא פאָטער, וועלכער איז מיט זיין בילדונג, טאָלעראנץ און ברייטע אנזיכטען אויף׳ן לעבען און אויף׳ן מענשען געוועזן א זעלטענהייט פיר יענער צייט.

לעווינזאָהן האָט אלזאָ געהאט די מעגליכקייט צו בעקומען א פרייערע און בעסערע ערציהונג ווי פילע פון זיינע מיטקעמפּפער און תלמידים. און די נייע אידעען, וועלכע ער האָט ערוואָרבען נאָך אין זיין פריהעסטער יוגענד און וועלכע ער האָט געפּרעדיגט דעם גאנצען לעבען, האָבען איהם געקאָסט פיעל וויינינגער קאמפף און גייסטיגע יסורים, וויא מאנכע פריידענקער זאָגאר אין אונזערע טעג.

זיין פאָטער, יהודה לעווין, איז געוועזן א מערקווירדיגע ליכטיגע פערזאָן. ער איז געוועזן א גרויסער תלמודיסט און צו דערזעלבער צייט האָט ער געשריעבען שעהן העברעאיש און האָט געקענט גוט דיא פּוילישע שפּראַך. ער איז געוועזן בעליעבט ביי אידען און ביי קריסטען פיר זיין גוטען עדלען כאראקטער. ער האָט בעהאנדעלט מיט דערזעלבער פריינדליכקייט חסידים, מתנגדים און משכילים, ווען זיי זיינען נאָר געוועזן עהרליכע לייט. צו געלעהרטע מענשען האָט ער געהאט דעם גרעסטען רעספּעקט, נאָר מעהר נאָך האָט ער געשעצט א מענשען מיט א׳ן עדלען, כאראקטער און גוטע זיטען. ער האָט געהאט אהן א צווייפעל א גרויסען איינפלוס אויף זיין זוהן, און דיזער האָט, וויא מיר געפינען אין זיינע שריפטען, אימער דערמאָהנט זיין פאָטערס נאָמען מיט גרויס ליעבע און אכטונג.

אָנגעהויבען לערנען האָט לעווינזאָהן פריה, וויא דער מנהג איז געוועזן אין יענער צייט. צו דריי יאָהר האָט מען איהם אָבגעגעבען אין חדר. ער האָט ארויסגעוויזען אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען. ביז ניין יאָהר האָט ער איבערגעלעזען אלע ספרים פון זיין פאָטער׳ס ביבליאָטהעק און האָט זאָגאר אנגעשריבען א חבור אויף קבלה. דער חבור האָט געפונען חן ביי רבנים, מקובלים, דאָס הייסט, מענשען וואָס זיינען בעקאנט מיט דער געהיימער לעהרע פון קבלה. צו צעהן יאָהר איז ער געוועזן קלאָר אין א סך מסיכתות אין תלמוד און האָט געקענט אויסוועניג כמעט גאנץ תנ״ך.

תנ״ך האָט איהם געלערנט זיין פאָטער אליין און ער האָט איהם איינגעפלאנצט נאָך פון דיא פריהעסטע קינדער־יאָהרען אָן א שטארקע ליעבע צו דער שפּראַך פון דיא נביאים. צו דערזעלבער צייט האָט לעווינזאָהן אויך געלערנט דיא רוסישע שפּראַך און האָט זיא געקענט גרינדליך, וואָס דאָס איז געוועזן א זעלטענע זאַך ביי רוסישע אידען אין יענער צייט. לעווינזאָהן איז געוועזן א גרויסער מתמיד און האָט דערצו געהאט א׳ן אונגעוועהנליכען זכרון. אז ער האָט געלעזען, א בוך, איז דער בוך געבליעבען ביי

איהם אין געדעכטעניס. דאָס איז פיר איהם גע־
ווען העכסט ניצליך שפּעטער, ווען ער האָט
געשריעבען זיינע בעריהמטע ווערקע און האָט
געמוזט מאַכען פון קאָפּ אויסציגע פון די
ביכער, וואָס ער האָט יאָהרענלאַנג צוריק
געלעזען.

לעווינזאָהן'ס ביאָגראַפיע אין אַלגעמיין קען
איינגעטהיילט ווערען אין דריי טיילען: זיין לע־
בען ביז ער איז געפאָהרען אין בראָד, אין גאַ־
ליציען; זיין אויפהאַלטען זיך אין בראָד און די
ערשטע יאָהרען נאָך זיין קומען צוריק אין רוס־
לאַנד, און זיין בעזעצען זיך איבער א נייעס אין
קרעמעניץ ישוין אויפ'ן גאַנצען לעבען, ביז'ן
טויט.

פון זיין קינדהייט און ערשטע יוגענד ווייס־
סען מיר זעהר ווייניג. דיא אומשטענדען, אין
וועלכע ער האָט געלעבט, זיינען געווען אַזעלכע,
וואָס האָבען געשאַפען ווייניג פערענדערונגען
אין זיין לעבען. ער האָט געהאַט דיא בעסטע
מלמדים און לעהרער, און זיין שטודיום אין אי־
דישע, וויא אין אַלגעמיינע וויסענשאַפטען, איז
געגאַנגען אונטער דער אויפזיכט פון זיין גע־
בילדעטען און רייכען פאָטער. אַזוי וויא זיין
פאַמיליע איז איבערהויפּט געווען כמעט דיא
רייכסטע אין שטעדטיל, האָט קיינער ניט נאָכ־
געקוקט וואָס און וויא דער יונגער לעווינזאָהן
לערנט, און וויא מען פיהרט זיך ביי זיי אין
הויז. איבעריגענס איז דיא פיהרונג אין הויז
געווען א ריין אידישע, ווייל זיין פאָטער, אי־
בערהויפט זיין מוטער, זיינען געווען פרומע
לייט. דאָך איז דיא פיהרונג געווען ניט אַזוי
פאַנאַטיש, וויא אין אנדערע הייזער פון קרע־
מעניץ, וואָס איז בעשטאַנען דאָס רוב פון פאַר־
קאָכטע, ברענענדיגע חסידים.

נאָר איין זאַך האָט פּאַסירט אין לעווינ־
זאָהן'ס יונגע יאָהרען, וואָס האָט געמאַכט א
גאַנצע פערענדערונג אין דעם עקאָנאָמישען צו־
שטאַנד פון זיינע עלטערן און געהאַט, וויא עס
שיינט, א שטאַרקען איינפלוס אויף דער וועלט־
אַנשויאונג פון זייער זוהן. דאָס איז געווען אַן
אונגליקליכער, אָבער פיר יענער צייט ניט קיין
אונגעוועהנליכער צופאַל, וואָס האָט געטראָפען
זיין פאָטער.

ער איז נעמליך געפאָהרען אין וועג מיט א
בעל עגלה און האָט געפיהרט סחורה און געלד.
דער וועג איז געווען א שמאָלער און א בלאָטי־
גער. דער פוהרמאַן האָט ניט בעמערקט וויא
אַנטקעגען איז אָנגעפאָהרען א פריץ אין זיין
קאַרעטע גלייך אויף זיי. דער בעל עגלה,
וועלכער האָט בעצייטענס ניט אויספּייעט, צו
ער האָט פערגעסען צו לאָזען דעם פריץ דיא
וועג און האָט הפנים גוט געקענט דעם פריץ און
געוואוסט וואָס אַזא „העזה„ קען איהם קאָסטען,
האָט באַלד געמאַכט פליטה און געלאָזען לעווינ־
זאָהן'ס פאָטער אַליין מיט'ן פערד און וואָגען
און האק און פּאַק. דעם פריץ'ס קאַרעטע איז
אַריינגעקראָכען אין בלאָטע, און, וועהרענד זיין
קוטשער איז אַראָפּ און האָט גענומען אַרויס־
שלעפּען דיא קאַרעטע, איז דער פריץ אַליין
אַראָבגעשפּרונגען מיט א רציחה און האָט מיט
זיין שטעקען מורא'דיג געשלאָגען דעם פאָטער
לעווינזאָהן'ס אין קאָפּ דיא גאַנצע צייט, וויא
לאַנג עס האָט גענומען ביים קוטשער אַרויס־
שלעפּען דיא קאַרעטע. נאָכדעם איז לעווינזאָהן
דער פאָטער געווען א לאַנגע צייט אַזוי
קראַנק, אַז ער איז ניט געווען פעהיג
צו קיין שום גייסטיגע בעשעפטיגונג, זאָ־
גאָר דאַוונען האָט ער געמוזט אויסווייניג, ווייל
ער האָט אין סדור ניט געקענט אַריינקוקען. און
אַפילו ווען ער איז בעסער געוואָרען, האָט ער
שוין אויפ'ן גאַנצען לעבען ניט געקענט האַלטען
אין האַנד א בוך, צו וועלכען ער האָט געדאַרפט
צולייגען קאָפּ.

דיזער געוועהנליכער פאַקט פיר יענער
צייט איז כאַראַקטערנע און ווייזט דעם שרעק־
ליכען צושטאַנד פון אידען צווישען דיא פּוי־
לישע פריצים, פאַר וועמעס ווילדע קאַפּריזען
און רציחות קיינער איז ניט געווען זיכער. די־
זער פאַקט ערקלערט אויך, פאַר וואָס מען האָט
דעם יונגען לעווינזאָהן געלערנט רוסיש און
פאַר וואָס דיזער איז זיין גאַנצען לעבען געווען
א רוסישער פּאַטריאָט און האָט ערווארט דיא
ישועה פיר זיין פאָלק פון דער רוסישער רע־
גירונג. דיא דאַמאָלסדיגע אידישע אינטעלי־
גענץ איז מייסטענס געווען אויף דער זייט פון
דער רוסישער רעגירונג אויף דעם גרונד פון
דעם שפּריכוואָרט, אַז „פון צוויי צרות קלייבט
מען אוים דיא קלענערע". אויב עס שטעהט פאַר
אויסצוקלייבען, זאָגט לעוואַנדא מיט דעם מויל
פון דעם אינטעליגענט סארין — דעם העלד פון
זיין ראָמאַן „דיא הייסע צייט" — צווישען א
קאַפּריזנע, האַלב־משוגענע שטיפמוטער און א
שלעכטען שטיפפאָטער, דאַרף מען בעסער געהן
צום שטיפפאָטער, וואָרים ער איז א מאַן, און

אויב ער וועט שלאָגען, וועט עס דאָך ניט זיין אַזוי ווילד, אַזוי אונגעלומפּערט וויא דיא שטיפ־מוטער.

דער לעבען האָט געוויזען, אז זיי דיאָ אינ־טעליגענטען פון יענער צייט, האָבען געהאט רעכט. וויא געדריקט דיא אידען זיינען שפּע־טער ניט געוועזן אונטער דער רוסישער רעגירונג, זיינען זיי דאָך קיין מאָל ניט געוועזן אזוי שוצ־לאָז, אזוי מאָראליש ערנידעריגט, וויא אונטער דעם מאכט פון דער פוילישער „שליאכטע“.

דיזען אומישטאנד דאַרף דער לעזער געדענ־קען, אום צו ערקלערען זיך פיעלע זאכען אין דער ווייטערער ביאָגראפיע פון יצחק בער לע־ווינזאָהן.

(שלום פאָלגט.)

ש. ל. הורוויץ.

# אַ פריהלינג טרוים

אין וועלדעל איז דופטענד , אין וועלדעל איז גרין,
און צווישען דיא צווייגעלעך זשומעט א ביען,
און לעשצעט, און וויעגט מיר און שלעפערט מיך איין.....
און אונטער דיא צווייגען, אין שאטען פון בוים,
פאַרוועבט מיך דער שלאָף אין א זאנפטליכען טרוים,
געשפונען אוים שטראהלען פון גאָלדיגען שיין.

און ס'פלאטערט מיין זעעלע געפאנגען אין וועב
און פיהל, וויא איך הייננ שוין אין לופטען און שוועב,
און אונטען דיא בלויקייט — ווערט מורא'דיג טיעף;
איך זעה קוים נאָך בלאַנקען אין בלומען געהילט
דאָרט אונטען מיין ליעבסטע, און הער וויא זיא שפּיעלט
ביין הארפע דאָס היימישע ליעבעס־מאָטיוו......

און יעטווידער מורמעל, און יעטווידער קלאנג
פערזינקט אין מיין הערצען און ס'טוט אזוי באנג.....
צו לאָזען דאָרט אונטען מיין ענגעל, מיין קרוין.
וואָס האָט דען דער הימעל אָהן איהר פאר א ווערד,
מיט איהר איז מיין הימעל, מיט איהר אויף דער ערד.
דאָרט איז מיין גן־עדן, מיין שכר און מיין לוין.....

ה. רויזענבלאַט.

יאָנקערס, נ. י.

# הירש לעקערט

## און די ווילנער מאַי דעמאָנסטראציאָן אין 1902

.2

נאָך דער שענדליכער עקזעקוציע, איז פאָן וואל געווען זעהר פאַר־זיכטיג. ער פלעגט זיין אונ־רוהיג, אין איינע שרעקעניש, יעדען איינציגען, וועלכער פלעגט זיך צו איהם מעלדען מיט א ביטשריפט פלעגט מען פריהער איבערזוכען. ער פלעגט ניט ארויספאָהרען אָהן א שטארקער וואך. דאָס האָט איהם אָבער ניט געהאָלפען.

שפּעט אין אבענד האָט איהם לעקערט אָפּגעוואַרט ביים טהעאטער. מיט מערקווירדי־גער פלינקייט האָט ער זיך דורכגעריסען דורך די וואך און האָט אין איהם צוויי מאָל אויס־געשאָסען. ער האָט איהם פערוואונדעט אין האנד און אין פוס.

רוהיג איז דער העלד געבליעבען שטעהן אי־בער דעם פערוואונדעטען קערפּער פון גובערנאַ־טאָר. ער האָט אפילו ניט געמאכט קיין פּער־זוך צו אנטלויפען. מיט פעסטע טריט איז ער געגאנגען אין פּאָליציי־הויז, ארומגערינגעלט פון 5 פּאָליציסטען מיט בלאנקע שווערטען. אונטערשראָקען האָט ער צוגעזעהען, וויא מען האָט איהם פערשמידט די הענד און די פיס אין קייטען. מיט א רוהיגע, כמעט מיט א שמייכלענדע מינע האָט ער געענטפערט אויפ'ן פערהער. און נור ווען מען האָט איהם גע־פרעגט, ווער זיינען זיינע מיטהעלפער, האָט ער מיט פעראכטונג זיך אָפּגעקעהרט און קיין וואָרט ניט געענטפערט.

אויף מאָרגען איז די נאכריכט דורכגע־פלויגען אזוי וויא א בליץ איבער די גאנצע שטאָדט, און אין שטאָדט איז געוואָרען שמחה וששון: דער נאָמען פון הירש לעקערט איז גע־ווען ביי אלעמען אויף די ליפען. יעדער איינ־ציגער, וואָס טראָגט אין זיך א מענשליכע הארץ, האָט מיט די ווארימסטע סימפּאטיע אפּלאָדירט די העלדען־טהאט. דער שאָס פון דעם אידישען שוסטער איז געווען דער אויס־דרוק פון אויפגערעגטען געזעלשאפטליכען גע־וויסען. און אלע עהרליכע מענשען, סיי אידען, סיי כריסטען, האָבען דערפיהלט א געוויסע פערגרינגערונג אויף זייערע נשמות. איינער פון די גרעסטע אויסווירפע, איינער פון די גרעסטע אפילו צווישען די משרתים פון צאר, האָט זיין ריכטיגען פסק געקראָגען. מען האָט נור בעדויערט, וואָס לעקערט האָט איהם גלייך אויפ'ן אָרט ניט אוועקגעלייגט, וואָס ער האָט איהם בלויז פערוואונדעט און ניט געטויטעט.

אם שטארקסטען איז געווען דער איינדרוק פון לעקערט'ס טהאט צווישען די אידישע אר־בייטער מאסען. מיט טרעהרען פון ענטציקונג האָבען זיי בעגריסט דעם העלד, וועלכער איז ארויסגעקומען פון זייערע רייהען. לעקערט האָט בעוויזען, אז ביי דעם אידישען ארבייטער איז דער געפיהל פון מענשען־ווירדע הויך ענט־וויקעלט. ער האָט נקמה גענומען פאר דעם גע־שענדעטען אידיישען פּראָלעטאריאט. ער האָט גערעטעט די עהרע פון „בונד“. און די אי־דישע ארבייטער האָבען זיך געבויגט מיט עה־רעפורכט פאר דעם מאן, וועלכער האָט זיך פאר זיי אויפגעאָפּפערט.

לעקערט'ן האָט מען איבערגעפיהרט אין „14טען נאָמער“. אזוי רופט זיך די ווילנער פּאָליטישע טיורמע. מען האָט איהם פריהער אריינגעזעצט אין אן אנדער טיורמע. מען האָט אָבער מורא געהאט צו האלטען איהם דאָרט. עס האָט דייטליך אויסגעזעהען, אז די דאָר־טיגע אדמיניסטראציאָן, וועלכע איז כמעט בע־שטאנען פון פּאָליאקען, האָבען מיט איהם סימ־פּאטיזירט. אין שטאָדט האָט מען ערוואַרטעט, אז מען וועט איהם צום טוידט ניט פעראור־טהיילען. נאָך אלעמען האָט ער דאָך דעם גו־בערנאטאָר ניט געטויטעט; ער האָט איהם נור פערוואונדעט. מען האָט זיך אָבער שנעל ארומ־געזעהען, אז די צארען־רעגירונג וועט איהר אָפּפער פון איהרע נעגעל ניט ארויסלאָזען, אז

פלעווע פערלאנגט ניט אנדערש א תליה. א טעלעגראמע פון פלעווע האָט געלויטעט, דאָס לעקערט זאָל „גע׳משפט״ ווערען אין א מיליטער־געריכט נאָך דיא געזעצע פון קריעגסצייט, און מען האָט זיין פראָצעס ארויסגענומען פון דעם ציוויל־געריכט. מען האָט אזא געריכט מורא געהאט צו פערטרויען דעם פאָראויסבעשטימטען אורטהייל.

דיא אונטערזוכונג האָט מען געפיהרט אין טיעפער געהיימניס. רויבער פיהלען זיך אימער בעסער אין דער פינסטער. אין אזא טיעפער געהיימניס האָט זיך אויך אָפּגעשפיעלט דיא קאָמעדיע פון משפט. דעם 15טען מאי, נאָך דיא רוביי׳טע צייט־רעכענונג, האָט מען לעקערט׳ן געבראכט פאר׳ן מיליטער־געריכט. מען האָט איהם געפיהרט אין א פערמאכטע קארעטע. דער גאנצער וועג איז בעוואכט געוועזן פון פאָליציי און דוואָרניקעס מיט דובינעס אין דיא הענד. דאָס האָט זיך געוואָרפען אין דיא אויגען, און אזוי האָט זיך דיא גאנצע שטאָדט דערוואוסט, אז דער „משפט״ אויף לעקערט׳ן האָט זיך אָנגעפאנגען.

אין זאָל פון געריכט האָט מען קיינעם ניט אריינגעלאָזען—אפילו ניט דעם קאָרפּוסנאָי גענעראל. מען האָט זיך אויך בעוואָרענט, אז לעקערט זאָל ניט נעהמען איינעם פון דיא פעהיגע אדוואָקאטען. מען האָט מורא געהאט, טאָמער וועט א עהרליכער און הייסער וואָרט האָבען א שטיקעל איינפלוס אויף דיא ריכטער. דארום האָט מען אויך לעקערט׳ן ניט אויפמערקזאם געמאכט אויף זיין רעכט צו פאָדערן פאר זיך א פערטהיידיגער. א געוויסער קאפּיטאן פעטראָוו איז בעשטימט געוואָרען אלס פערטהיידיגער. דיזער אומגליקליכער קאפּיטאן האָט דיא גאנצע צייט געפלאטערט, וויא א בלאט. ער האָט מורא געהאט טאָמער וועט ער זיך אויסריידען א גוט וואָרט פאר לעקערט׳ן. איהם האָט זיך גערוכט, אז מען וועט איהם זעלבסט אויפהייננגען, ווען ער וועט ריידען פאר בעגנאדיגונג.

לעקערט האָט זיך געהאלטען מיט גרויס מוטה און נאָבעלען שטאָלץ אויפ׳ן „משפט״. ער האָט צוגעגעבען, אז ער האָט געשאָסען אויף דעם גובערנאטאָר; ער האָט זיך אָבער ניט ערקלערט שולדיג. ער האָט אויך צוגעגעבען, אז זיין כונה איז געוועזן צו טויטען דעם טיראן. פאר דיזע ערקלערונג האָט ער בעצאָהלט מיט דעם טאָדעס אורטהייל. ער וואָלט נור געזאָגט, דאָס ער האָט געוואָלט בלויז אָפּשרעקען פאָן וואָל׳ן, דאן וואָלט ער זיין לעבען גערעטעט. ער האָט אָבער דיזע עצה מיט פעראכטונג צוריקגעוויעזען. דער צוועק פון דיא מיליטערישע ריכטער איז געוועזן ניט צו משפט׳ן לעקערט׳ן, וועלכער איז שוין לאנג געוועזן פערמשפט אין פלעוועס קאבינעט. זייער צוועק איז געוועזן א גאנץ אנדערער: זיי האָבען געזוכט אויסצופאָרשען ביי איהם זיינע מיטהעלפער. לעקערט האָט געענטפערט, אז ער איז קלוג גענוג אום אליין צו פערשטיין, אז מען דארף פאָן וואָל׳ן טויטען. ווען מען האָט איהם דיזע פראגען ווידערהאָלט, האָט ער געענטפערט נור מיט א פעראכטליכע מינע.

מען האָט איהם פעראורטהיילט צום הייננגען.

דעם 28טען מאי, נאָך דיא רוסישע צייט־רעכענונג, צוויי אזייגער ביינאכט, האָט מען לעקערט׳ן אוועקגעפיהרט צום פלאץ פון זיין הינריכטונג. אזוי וויא נאכט־גנבים האָבען דיא משרתים פון צאר איהם ארויסגענומען פון טיורמע. אין טיעפער שטילקייט, אין פינסטערניש פון נאכט, זיינען זיי געגאנגען טויטען דעם מאן, וואָס האָט זיך אויפגעאָפּפערט פאר דיא צוטראָטענע עהרע פון זיינע ברידער ארבייטער. דיא תליה איז געוועזן ניט גענעדיגט, ווען לעקערט איז אָנגעקומען. ער האָט דארט געטראָפען דיא מיליטער, אייניגע טשינאָווניקעס און דעם קאזיאָנעם ראבינער. מיט א וואונדערבארער רוהיגקייט איז דער העלד געשטאנען און געוואַרט אויפ׳ן טויט. ווען אלעס איז פארטיג געוואָרען, איז ער ארויפגעגאנגען שטאָלץ און רוהיג אויפ׳ן עשאפאָט. עס איז צוגעגאנגען צו איהם דער ראבינער און האָט איהם אויפמערקזאם געמאכט אויף ודוי זאָגען, אויף דעם געבאָט „לא תרצח״, וועלכען ער האָט איבערטראָטען. לעקערט האָט איהם געענטפערט, אז צוליעב דיזען געבאָט הייננגען איהם טאקע דיא גוטע און פרומע לייטע. ער האָט ערקלערט, דאָס ער נויטיגט זיך ניט אין ודוי און האָט געבעטען דעם ראבינער, אז ער זאָל איהם לאָזען צו־רוה.

דער תליון איז געוועזן א קאטאָרזשניק. ווען אללעס איז פארטיג געוואָרען, איז ער אונטערגעקומען צו איהם און האָט פערבונדען איהם אויף הינטער די הענד. ער האָט איהם פערבונדען זעהר שטארק. אויף לעקערט׳ס געזיכט

האט זיך בעוויזען אן אויסדרוק פון גרויסע ליי־דען, ער האט אבער געפאסט מוטה, און אין א ווייַלע ארום האט זיין געזיכט ווידער אויס־געדריקט רוהע, שטאלץ, פעראכטונג. זיין העל־דישע האלטונג האט ערשטוינט דיא סאלדאטען, אפילו דיא טשינאוונעקעס און דיא פאליציי.

איניגע מינוטען שפעטער האט דער תליון ארויפגעווארפען אויף איהם דיא פיעטלע. זיא איז אבער געבליבען ביי איהם אויפ'ן נאז. און לעקערט האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ און ארונטערגעווארפען דיא פיעטלע אויפ'ן האלז. דער תליון האט א שפרונג געטהאן, מיט א ווילדע רציחה האט ער איהם א כאפ געטהאן פאר דיא פיס און ארונטערגעשלעפט איהם צו דער ערד.

א פאר מינוט האט זיך לעקערט געמאטערט אין שרעקליכע קאנוואולסיאנען און איז אויס־געגאנגען.

עהרע זיינעם אנדענקען!

# דער גענעראל סטרייק

ווען איך האב אנגעצייגט אין מיין פאריגען אר־טיקעל, אז מען וועט ניט קענען לאנג ציי־הען א גענעראל־סטרייק, ווייל דיא רעגירונג וועט זיך דאן אריינמישען מיט איהר מיליטערישער מאכט, נאטירליך געגען דיא ארבייטער, האב איך, דיא וואהרהייט צו זאגען, ניט געהאט אין זינען אזא פאל, וויא עס איז ענדע לעצטען אפריל פארגעקומען אין אונגארן.

דארטען האט אויסגעבראכען א גענעראל־סטרייק פון דיא ארבייטער, וועלכע זיינען אנגעשטעלט אויף דיא שטאאט־אייזענבאהנען. דיא רעגיערונג זעלבסט איז געוועזן דער קאפי־טאליסט, געגען וועלכען דיא ארגאניזירטע אר־בייטער זיינען ארויסגעטראטען, אום צו פער־בעסערן זייער לאגע. דאס איז א געוועהנ־ליכע ערשיינונג אין דער היינטיגער געזעל־שאפטליכער ארדנונג: דער בורזשואזער שטאאט איז, אלס ארבייטסגעבער, ניט בעסער פאר פריי־וואט־קאפיטאליסטען, און ניט זעלטען זיינען זיינע ארבייטער געצוואונגען צו סטרייקען וועגען קירצערע שטונדען, העכערן לוין און בעסערע בעהאנדלונג — דיא געוועהנליכע פארדערונגען פון ארבייטער אין זייער עקאנאמישען קאמפף.

אבער אונגעוועהנליך, אבוואהל גאנץ נא־טירליך פאר א קאפיטאליסטישע רעגירונג, איז געוועזן דער מיטעל, וואס דיא אונגארישע רעגי־רונג האט אנגעווענדעט, אום צו ברעכען דעם גענעראל־סטרייק פון איהרע אייזענבאהן־אר־בייטער. דיזער מיטעל איז בעשטאנען אין דעם, אז דיא יעניגע פון דיא סטרייקערס, וועל־כע זיינען געוועזן איינגערעכענט אין לאנד־וועהר, אין דער רעזערוו־ארמעע, האבען געקרא־גען א בעפעהל צו גיין דיענען, און אלס סאל־דאטען האט מען זיי דאן געהייסען טאן זייער ארבייט אויף דיא אייזענבאהנען. דיא סטריי־קערס האבען געמוזט פאלגען דעם מיליטערישען בעפעהל, דען זאנסט וואלט מען זיי נאטירליך ארעסטירט און גע'משפט פאר אונגעהארזאמ־קייט און זאגאר האכפערראטה.

עס איז אלזא אויסגעקומען, אז פיעלע סטרייקערס האבען געמוזט סקעבען, ווייל דיא רעגירונג האט זיי מיט אמאל אומגעוואנדעלט אין סאלדאטען. דער סוף איז דיזעס מאל גע־וועזן, אז דיא אייזענבאהן־ארבייטער האבען באלד געמוזט אויפגעבען דעם קאמפף און צו־ריק גיין צו דער ארבייט. עס איז איבעריג צו־זאגען, אז אלע קאפיטאליסטישע רעגירונגען

וועלען פאלגען דיזען ביישפיעל אין פאל פון א גענעראל־סטרייק.

אין אזעלכע לענדער, וויא ענגלאנד און דיא פעראייניגטע שטאאטען, וואו עס עקזיסטירען נאך ניט שטענדיגע ארמעען נאך דעם פרייסי־שען מוסטער, וועט מען רופען אין מיליץ־דיענסט דיא ארבייטער, וועלכע זיינען נאך אזוי דום זיך צו פערשרייבען אין דיזע זא־גענאנטע „נאציאנאל־גווארדיע“, וועלכע איז אין דער ווירקליכקייט ארגאניזירט צו אונטערדריקען דיא ארבייטער, ווען זיי קעמפפען פאר זייער רעכט און ברויט, וויא דאס האט זיך ניט איין מאל שוין ארויסגעצייגט ביי גרויסע סטרייקס אין אונזער „גאלדענער רעפובליק“, דעם מוסטער־לאנד פון קאפיטאליסטישע פרייהייטען. אין אונזער דאלאר־געבענשטען לאנד האט עס שוין אויך געטראפען, אז מיטגליעדער פון יוניאנס האבען אלס מיטגליעדער פון דער מי־ליז געהאלפען צו אונטערדריקען סטרייקס מיט פולווער און בליי.....

דאס איז אן ארגומענט געגען דיא יעניגע, וועלכע בעהויפטען, אז דער ארבייטער בלייבט אויף דעם באדען פון געזעצליכקייט, ווען ער נעהמט אנטהייל אין א גענעראל־סטרייק. ווען דיא רעגיערונג הייסט א סטרייקער דיענען אלס סאלדאט געגען זיך זעלבסט און זיינע קאמערא־דען, איז דאס דאך אויך געזעצליכקייט. אמת, אויפ'ן פאפיער הייסט עס טאקע, אז דיא אר־בייטער האבען רעכט צו סטרייקען — דיזען רעכט האבען דיא ארבייטער ערווארבען נאך א לאנגיעהריגען קאמפף, וויא בעוואוסט — אבער עס פערשטעהט זיך, אז דיא קאפיטאליסטישע רעגירונג וועט פריהער דורכפיהרען איהר גע־זעצליכקייט צו רופען סטרייקערס צום מילי־טער־דיענסט און זיי דאן צווינגען אלס סאלדא־טען צו סקעבען.

אבער, וועט מען ענטפערן, ניט אללע אר־בייטער זיינען אין לאנד־וועהר, און פיעלע פון אזעלכע, וואס דיא רעגירונג מעג רופען צום מיליטער־דיענסט, קענען זיך ענטזאגען צו פאלגען, ניט אכטענדיג אויף דיא שווערע שטראף, וועלכע זיי וועלען זיכער קריגען דער־פאר פון דיא קאפיטאליסטישע הערשער. דאס איז ריכטיג, אבוואהל דיא צאהל פון אזעלכע אפפערוויליגע סטרייקערס מוז על פי טבע זיין קליין; אבער דאס ענדערט דאך ניט דעם פאקט, אז צוויי געזעצליכקייטען זיינען גע־ווען אין צוזאמענשטויס ביי דעם גענעראל־סטרייק פון דיא אונגארישע אייזענבאהן־אר־בייטער און אז געזיעגט האט דיא געזעצליכ־קייט, וועלכע איז געווען אין דיא אינטערעסען פון דיא קאפיטאליסטישע רעגירונג געגען דיא אינטערעסען פון דיא ארבייטער.

נור מען מוז פון דעסטוועגען צוגעבען, אז דיא אנהענגער פון גענעראל־סטרייק האבען אין אלגעמיינען רעכט, ווען זיי ערקלערן, אז דיא ארבייטער בענוצען זיך מיט א געזעצליכען רעכט, ווען זיי פאנגען אן א גענעראל סטרייק. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז ווען עס זאל נאר מעגליך זיין ארויסצורופען מאסען ארביי־טער אויף א גענעראל־סטרייק, וויא דיא אנאר־כיסטען שטעלען זיך פאר, קען דיא קאפיטאלי־סטישע רעגירונג זיי ניט צווינגען אויף א גע־זעצליכען וועג צו גיין צו דער ארבייט מיט אויסנאהמע פון דעם טהייל, וועלכער קען גע־שיקט ווערן דיענען אין דער ארמעע.

נאטירליך, דיא רעגירונג קען צו יעדער צייט געברויכען געוואלט־מיטעל, ווען זיא האלט עס פיר נייטיג; אבער דאן שטעלט זיא זיך ארויס געגען איהרע אייגענע געזעצליכ־קייט, דאן איז זיא דיא רוהע־שטערערין, דאן רופט זיא ארויס א בירגער־קריעג.

יעדענפאלס, וויא דיא קאפיטאליסטישע רעגירונגען זאלען ניט האנדלען אין פאל פון א גענעראל־סטרייק, נאר זיכער איז עס, אז אין דיזער פראגע שפיעלט דיא געזעצליכקייט א גרויסע ראלע. איך וועל דא ברענגען אויסצי־גע פון א רעדע, וועלכע דער בעוואוסטער פראנ־צויזישער סאציאליסט אריסטיד בריאן, וועל־כען זיינע געגנער האבען צום שפאס א נאמען געגעבען „סטרייק־גענעראל“, האט געהאלטען צו גונסטען פון גענעראל־סטרייק אויף דעם קאנגרעס פון דער פראנצויזישער סאציאלי־סטישער פארטיי אין 1899:

„סיטואיען (בירגער)! אויב דיא ארביי־טער זיינען פערטיג פיר א גענעראל־סטרייק, פרעגט מען אונז, ווארום זאלען זיי ניט זיין פערטיג איינפאך פאר דיא סאציאלע רעוואלו־ציאן? אנדערע ערקלערען: „א רעוואלוציאן קען מען ניט ארגאניזירען און ניט בעפעהלען; זיא הענגט ניט אפ פון דעם ווילען פון איינ־צעלנע פערזאנען; זיא איז דער רעזולטאט פון אומשטענדען, דער לעצטער פונקט פון דער עוואלוציאן“. איך גיב צו, אז דעם אלגעמיי־

נעם סטרייק קען מען ניט בעשטימען פאָראויס אין א געוויסען טאָג, אזוי וויא מען קען ניט פּלאַנעווען דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן; איך גיב צו, אז דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן איז אונגליקליכער־ווייזע ניט אָפּהענגיג פון אונזער ווילען, דען זאָנסט וואָלט איהר דאָך שוין לאנג איהר געמאַכט... איך לייקען אויך ניט דיא הויפּט־ראָלע פון עוואָלוציאָן און פון אומשטענדען (אפּלאָדיסמענטען אין זאַל פון קאָנגרעס). אָבער איך גלויב, אז דער מענשליכער ווילען קען אונטעריאָגען דעם מארש פון דער עוואָלוציאָן און מעכטיג צו העלפען, דאָס דיא געווינשטע אומשטענדען זאָלען פאָרקומען.... איך צווייפעל ניט, אז אין דער פערגאנגענהייט האָבען געטראָפען רעוואָלוציאָנערע אומשטענדען, מיט וועלכע סאָציאַליסטען האָבען זיך ניט געקענט בענוצען איינפאך דערפאר, ווייל זיי זיינען גאָר ניט פאָרבערייטעט געווען. דער פּראָלעטאריאט איז אָפט געווען געניייגט צו א ביטערען קאמפף, אָבער ער איז ניט ווייטער געגאנגען, ווייל ער האָט קיין מיטעל ניט געהאט... דער גענעראַל־סטרייק איז גראדע אזא מיטעל, ער גיט דיא מעגליכקייט ארויסצורופען דיא רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען, וועלכע דרעמלען אין ארבייטער־קלאַס....

„אמאָל האָט מען געקענט אויפפאָדערן דעם פאָלק צו א רעוואָלוציאָן. דיא צורופען האָבען ניט ארויסגערופען צווייפעל, זיי האָבען ערוועקט דעם אנדענקען אָן באריקאדען, אָן פּיקעס, אָן ביקסען, וועלכע מען האָט געקענט קריגען ערגעצוואו אין צייט פון אן אויפשטאנד, מיט איין וואָרט, דיא אלטע רעוואָלוציאָנערע מיטעל. היינט אָבער, ווען מען זאָגט צום אונטערדריקטען: רעוואָלטיר! צייגט ער אייך מיט אן ענטמוטהיגטען זעשסט אויף דיא ברייטע בולוואַרען, וועלכע זיינען גאָר ניט געשאפען פאר באריקאדען; ער פרעגט אייך, אויב איהר האָט ביקסען פאר איהם, אום ארויסצוטרעטען געגען דיא מחנות פון דער בורזשואזיע (אפּלאָדיסמענטען).

„קענען מיר דען ראטהען אונזערע קאַמעראדען צו מאכען דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן? אה, ברידער, זיי ווילען עס גערן; ווען דיא רעוואָלוציאָן וואָלט נאָר געווען אָפּהענגיג פון זיי, וואָלטען זיי שנעל ארויס אין גאס. זיי געהען ניט ארויס, ווייל זיי ווייסען, דאָס זיי וועלען דערטרונקען ווערען אין בלוט.... זיי פערשטעהען, אז דיא קומענדע רעוואָלוציאָן, דיא רעוואָלוציאָן, וואָס וועט בעפרייען דעם פּראָלעטאריאט, קען ניט אָנגעפאנגען ווערען מיט דיא אלטע רעוואָלוציאָנערע מיטעל. איך מיין ניט דערמיט צו בלאמירען דיזע קאמעראדען. איך געהער צו דיא יעניגע, וועלכע האלטען זיך צוריק פון ענטמוטהיגען אירגענד וועלכען גוטען ווילען, אונטער וואָס פאר א פאָרמע ער זאָל ניט קומען צום שיין (אפּלאָדיסמענטען). געהט צו דער שלאכט מיט א שטימצעטעל, אויב איהר דענקט, אז דאָס איז גוט און ריכטיג. איך האָב גאָר ניט דאגעגען. איך בין אליין געגאנגען אלס וואָטער, איך בין אויך געגאנגען אלס קאנדידאט, און איך וועל דאָס זעלבע ווייטער טאָן אָהנע צווייפעל. געהט מיט פּיקעס, שווערדען, פּיסטאָלעטען און ביקסען — אָנשטאָט אייך צו בלאמירען, וועל איך עס האלטען פאר מיין פפליכט צו פערנעהמען א פלאץ אין אייערע רייהען. אָבער, קאמעראדען, נעהמט ניט אוועק דעם מוטה ביי ארבייטער, ווען זיי פּרובירען זיך צו פעראייניגען פיר א האנדלונג, וועלכע פּאַסט פאר זיי, אין וועלכער זיי האָבען ערנסטע גרינדע צו גלויבען!....

„אויב א רעוואָלוציאָן וועט אויסברעכען היינט אויף דעם אלטען שטייגער, צוערשט אין פאריז, נאכהער אין אנדערע שטעט, וואו אונזערע אידעען זיינען פערשפרייטעט, וועט דער קאפּיטאליסטישער קלאַס האָבען, דורך דיא יעצטיגע טראנספּאָרט־מיטעל און דורך דיא ארמעע, וועלכע מען קען לייכט מאָביליזירען גענוג שאנסען צו דערשטיקען דיא אויפשטאנדען אזוי שנעל, וויא זיי וועלען אויסברעכען. אָבער ביי א גענעראַל־סטרייק דארף מען דערפאר ניט מורא האָבען. דער קאמפף וועט זיך דאן אָנפאנגען כמעט גלייכצייטיג אויף פערשיעדענע פונקטען פון לאנד. דיא מאָביליזאציאָן פון ארבייטער וועט זיין אזוי שנעל וויא פון סאָלדאטען, און דיא בורזשואזיע וועט דארום זיין אין גרויס געפאהר איבעראל.

„דער גענעראַל־סטרייק האָט אַן אנדערע אונבעשטרייטבארע מעלה איבער אנדערע רעוואָלוציאָנערע מיטעל. ער גיט נעמליך דיא ארבייטער מעהר צוטרויען און מעהר קוראזש. מען מוז זיך רעכענען מיט דער מענשליכער שוואכקייט. קיין מאָל וואַרפט זיך ניט א מענש אריין מיט א לייכטע הארץ אין אן אויפשטאנד. אין דער מינוט, ווען ער קלייבט זיך צו פערלאָ־

זען זיין הויז, אום אנטהייל צו נעהמען אין דעם קאמפף און פיליכט דערביי צו פערלירען זיין לעבען, דארף ער בייקומען געפיהלען, וועלכע האלטען איהם צוריק און טרייבען איהם צו פערבלייבען צו הויז. ער מוז אויסהאלטען דיא ביטעס פון זיין פרוי, פון זיינע קינדער. א שווערע פעראנטוואָרטליכקייט שפרינגט ארויס צווישען איהם און דיא גאס, וואו דער אויפשטאנד פאנגט זיך אָן. טראָץ זיין גוטען ווילען, טרעפט עס אָפט, אז ער שלאָגט זיך אזוי לאנג מיט דער דעה, דאָס שליסליך בלייבט ער מיט זיין פאמיליע (לעבהאפטע אפּלאָדיסמענטען).

„דער גענעראַל-סטרייק האָט אָבער פאר דעם קעמפפער דיזע גרויסע מעלה, דיזע אנציהונג, דאָס ער איז שליסליך דיא אָנווענדונג פון אַן אונבעשטרייטבארען רעכט (גרויסע אפּלאָדיסמענטען). דאָס איז א רעוואָלוציאָן, וועלכע פאנגט זיך אָן מיט געזעצליכקייט אויף א געזעצליכען וועג. ווען דער ארבייטער ענטזאגט זיך צו טראָגען זיין שקלאַווען-יאָך, רעוואָלטירט ער דאן אין נאָמען פון זיין בירגער-רעכט. דיא אונגעזעצליכקייט וועט קומען פון דער בורזשואזיע, ווען זיא וועט ארויסרופען א בירגער-קריעג, ווען זיא וועט אונטערדריקען א רעכט, וואָס זיא האָט אליין געגעבען און אנערקענט פאר גערעכט" (לעבהאפטע אפּלאָדיסמענטען).

אלזאָ, דער לעצטער און וויכטיגסטער ארגומענט פון דיזען הייסען און פעהיגען אגיטאטאָר פאר א גענעראַל-סטרייק איז דיא געזעצליכקייט פון דיזען גרויסען קאמפף-מיטעל פון אָרגאַניזירען דעם ציעל-בעוואוסטען פּראָלעטאריאַט, אגב אורחא וועל איך בעמערקען, אז דער קאָנגרעס, אויף וועלכען אריסטיד בריאַן האָט געהאלטען דיזע רעדע, וואָס איז נאכהער אָבגעדרוקט געוואָרן אין א בעזונדערע בראָשורע פיר פּראָפּאגאנדא, האָט איינשטימיג אָנגענומען דיא רעזאָלוציאָן צו גונסטען פון גענעראַל-סטרייק.

אָבער דיא פראנצויזישע סאָציאַליסטישע פּארטיי איז פאָרלויפיג נאָך געבליבען ביי'ן פּרינציפּ פון גענעראַל-סטרייק. ווען עס זאָל קומען צו דער דורכפיהרונג פון דיזען פּרינציפּ, בעזאָנדערס ווען עס זאָל האלטען ביי א גרויסען גענעראַל-סטרייק מיט ראדיקאלע פּאָליטישע פּאָרדערונגען, וועלען זיכער פּאָרקומען צווישען דיא פערשיעדענע פראקציאָנען פון דיזער פּארטיי אזעלכע הייסע און ביטערע שטרייטיגקייטען, וויא ווען מען וואָלט גאָר ניט אָנגענומען א רעזאָלוציאָן צו גונסטען פון גענעראַל-סטרייק.

דיא אמת'ע שוועריגקייטען טרעטען ארויס, וויא נאָר עס קומט צו א גענעראַל-סטרייק. ווען מיר זאָלען אנערקענען אלע ארגומענטען פון דיא אנהענגער פון גענעראַל-סטרייק, ווען מיר זאָלען צוגעבען צוזאמען מיט אריסטיד בריאַן, אז אונטער דיא היינטיגע אומשטענדען, ווען דיא קאפּיטאליסטישע רעגירונגען האָבען אזא געוואלדיגע מאכט אין דיא הענד, איז דער בעסטער און לייכטעסטער מיטעל צו בעוועגען דיא ארבייטער צו א רעוואָלוציאָנערען קאמפף נאָר דורך דעם גענעראַל-סטרייק, בלייבט דאָך אָפען דיא פראגע: וואָס וועט זיין נאכהער, ווען אזא סטרייק וועט זיך ווירקליך אָנפאנגען? וועלכע מיטעל וועלען דיא ארבייטער האָבען, אום אויסצוהאלטען א לענגערע צייט, אום צו צווינגען דיא קאפּיטאליסטען נאָכצוגעבען? זאָל זיין, אז עס וועט געלינגען ארויסצורופען סטרייקס מיט איין מאָל אין פערשיעדענע פּונקטען פון לאנד — וויא וועט מען אָבער דאָך קענען אויסהאלטען אַן אטאקע פון דער ארמעע, וועלכע דיא רעגירונג קען שנעל מאָביליזירען און קאָנצענטרירען אזוי, אז דער אויפשטאנד פון דיא ארבייטער זאָל דערשטיקט ווערן אין טייכען בלוט, וויא דיא פּאריזער קאָמונע פון 1871? נאָר ווען מיר זאָלען זאָגאר אָננעהמען, אז קאפּיטאליסטען וועלען ווארטען מיט צוזאמענגעלייגטע הענד און ניט געברויכען זייערע ארמעען, זאָלאנג דיא סטרייקערס וועלען זיך האלטען אין דיא גרענעצען פון דער קאפּיטאליסטישער געזעצליכקייט, וויא אזוי וועלען זיי קענען אויסהאלטען אָהן ארבייט. דאָס הייסט, אָהן לעבענסמיטעל?

א בעטראכטונג וועגען דיזע פראגען מוז איך אָבער ווייטער אָפּלייגען אויף מאנגעל אין פּלאַץ.

פּ. קראַנץ

# א בליק אין דיא צוקונפט

## צווייטער קאפיטעל.

ווער, פרעגט מען אונז, וועט ביי אייך טהאָן דיא אללע שווערע, אונאנגענעהמע, מיט געפאהר פערבונדענע ארבייט?”

אין פאָריגען נומער האָב איך שוין אָנגעצייגט, אז ערשטענס וועלען מאשינען אויפטהאָן דעם גרעסטען חלק פון דער ארבייט און דער מענש וועט נאָר זיין דער אויפזעהער, דער אויפפאסער; צווייטענס, וועלען דיא איינריכטונגען פון אללע ארבייטספלעצער זיין אזוי, אז דיא געפאהר און אונאנגענעהמליכקייט וועלען כמעט אין גאנצען פערשווינדען. דיא ארבייטסצייט וועט פערקירצט ווערען פראָפּאָרציאָנעל נאָך דיא שוויריגקייט פון דיא ארבייט, ד. ה. וואָס שווערער דיא ארבייט, אלץ וויניגער צייט וועט מען ארבייטען. דיא ערציהונג און דיא שולע וועלען דאביי שפּיעלען זעהר א גרויסע ראָלע.

ביז יעצט, אויסער אלע צרות, וועלכע דער ארבייטער האָט געהאט אויסצושטעהען, איז ער דערצו נאָך בעטראכטעט געוואָרען אלס א ניעדריגע בעשעפעניס, דען דער טאָן, דיא הערשענדע אנזיכטען פון דער געזעלשאפט ווערען געשאפען פון דיא הערשענדע קלאסע. אזוי אָבער וויא דיא הערשענדע קלאסע לעבט געוועהנליך פון דעם, וואָס אנדערע שאפען, און אליין טהוט זיא גאָרניט, בעטראכטעט זיא יעדען, וועד עס איז געצוואונגען צו ארבייטען און איהר צו ערנעהרען אלס א שקלאוו, אלס איין ארבייטס־מאשין. דיזע אנזיכטען ווערען אזוי איינגעוואָרצעלט, אז אפילו דער ארבייטער גופא קוקט אויך אויף זיך וויא אויף עטוואָס ניעדריגעס. עס פערשטעהט זיך, אז ווער עס האָט נאָר דיא מעגליכקייט זיך צו בעפרייען פון פיזישע ארבייט, ווענדעט אָן אלע מיטעל עס אויסצופיהרען. דאָס וועט זיך אָבער אין גאנצען ענדערן אין דיא צוקינפטיגע געזעלשאפט; דאָרט וועלען ניט זיין קיין הערשענדע און קיין בעהערשטע קלאסען. דעם טאָן וועט געבען דיא גאַנצע געזעלשאפט אין וועלכע יעדער יחיד וועט ארבייטען. היינט וויבאלד אללע וועלען ארבייטען, וועט שוין דיא ארבייט ניט בעטראכט ווערען אלס א שאנדע, נאָר פערקערט, אויף ניט־ארבייטען וועט מען קוקען וויא אויף א שאנדע און זאָגאר וויא אויף א פּערברעכען. עס וועלען אויפהערען צו עקזיסטירען אזעלכע בעשעפטיגונגען, וועלכע שאפען איינעם א'ן עהרענטיטעל, כאָטש ער אליין איז א שופט; וויא אויך אזעלכע בעשעפטיגונגען, וועלכע ערנידעריגען דעם מענשען ניט אכטענדיג, וואָס ער מעג זיין א מלאך.

דיא שוללע וועט דערביי זעהר פיעל מיטהעלפען; האנד אין האנד מיט גייסטיגע ערציהונג וועט מען אויך לערנען דיא קינדער פיזישע ארבייט, און דערביי וועט מען אם בעסטען אויסגעפינען, צו וואָס יעדע פערזאָן איז פעהיג, און דיא פעהיגקייט וועט מען זוכען צו ענטוויקלען. אזוי וויא עס וועט ניט געבען קיינע שעהנע, עהרענפאָלע בעשעפטיגונג און קיינע מיאוס'ע אָדער ערנידעריגענדע, וועט זיך יעדער נעהמען צו דאָס, צו וואָס ער פיהלט זיך אם בעסטען פעהיג. צום ביישפּיעל, איינער, וועמעס אירעלטערן זיינען שוין געווען לאנד־ארבייטער, און ער בעזיצט דערצו נאָך שטארקע מוסקעלן, וועט געוויס מיט מעהר חשק בעארבייטען פעלדער איידער צו מאכען אסטראָנאָמישע אויסרעכנונגען, כעמיישע אנאליזען אָדער מיקראָסקאָפּישע אונטערזוכונגען. און אומגעקעהרט: דעם יעניגען וועלכער וועט זיך פיהלען פעהיג פיר דיא לעצטע בעשעפטיגונגען, אָדער צו שרייבען דראמען, צו מאָלען בילדער, צו קאָמפּאָנירען אָפּעראס, וועט מען אודאי ניט צווינגען צו געהן ברוקירען גאסען, אָדער באקען בייגעל.

עס איז אָבער זעהר מעגליך, אז דער זעלבער מענש, וועלכער וועט עטליכע שטונדען זיין פערנומען מיט פערפאסען א דראמע, וועט נאכהער מיט פערגניגען שטעהן און שניידען היי, אָדער פארבען א הויז, אָדער טאקי באקען בייגעל. ביי דיא היינטיגע צושטענדע וואָלט ער זיך פשוט

שעהמען עס צו טהאָן, שוין ניט ריידענדיג, אז ער איז ניט פאַרבערייטעט דערצו. אויסער דעם, צו דיא גאַנץ שווערע און אונאנגענעהמע ארבייט וועט מען קענען צוציהען מיט דעם, וואָס אזא ארבייט וועט ווערען פיעל מעהר בעלוינט. ווען אלזאָ, נאָך אללעם דעם, וועט זיך דאָך קיינער ניט געפינען, וועלכער זאָל וועלען טהאָן א בעשטימטע זאָרט ארבייט — וואָס עס איז קוים מעגליך — דאן קען דיא ארבייט אויסגעפיהרט ווערען אויפ'ן זעלבען שטייגער, וויא עס ווערט היינט ערפילט דיא פליכט פון א דזשורי, אָדער איינפאך, יעדער וועט מוזען ארבייטען נאָך דער רייהע.

מיט איין וואָרט, דיא אלע שוועריגקייטען, אויף וועלכע דיא געגנער פון סאָציאליזמוס האָבען אזוי ליעב אָנצוצייגען, קענען גאַנץ לייכט בעזייטיגט ווערען.

## דריטער קאפיטעל.

מען ווארפט אונז פאָר, אז מיר ווילען אין דיא צוקינפטיגע געזעלשאפט מאַכען אלעמען גלייך. ווען מען פערשטעהט אונטער „גלייך" פאָליטישע און עקאָנאָמישע רעכטע, האָט עס א זינען. דיא סאָציאליסטישע געזעלשאפט וועט אודאי פאָדערן, אז יעדער מיטגליד זאָל ארבייטען און דאפיר וועט ער זיין געזיכערט מיט א מענשען־ווירדיגען לעבען. עס וועלען נאטירליך אויפהערען צו עקזיסטירען יחסנים און מיוחסים סיי דורך געבורט, סיי דורך בעשעפטיגונג, וואָס דאָס אליין זאָל שוין געבען אירגענד וועלכע פריווילעגיען. אין דעם זינען וועלען אלע מענשען זיין גלייך. אין יעדען אנדערען זינען אָבער איז דיא בעהויפטונג פון דיא געגנער פון סאָציאליזמוס אן אונזין.

עס איז טאקי גאַנץ שעהן, אז דער מענש איז דאָס, וואָס דיא געזעלשאפט מאכט פון איהם; עס ווערט אויך ניט אָפּגעלייקענט, אז ווייניגסטענס 90—95 פּראָצענט פון בעגאַנגענע פערברעכען געגען אייגענטהום און פערזאָנען זיינען א רעזולטאט פון דיא היינטיגע גנבה־און גזלה־סיסטעם; עס קען אָבער ניט אָפּגעלייקענט ווערען, אז יעדע פּערזאָן ווערט געבאָרען מיט בעזונדערע אייגענשאפטען, דען אקוראט וויא איהר קענט ניט געפינען צוויי מענשען, וועלכע זאָלען אויסערליך אויסזעהען גלייך אין יעדער הינזיכט, אזוי — אָדער בעסער געזאָגט, נאָך ווייניגער — קענט איהר געפינען צוויי פּערזאָנען, וועמעס אינערער לעבען זאָל זיין גלייך. עס וועט נאטירליך אויפהערען צו עקזיסטירען דער געוואלדיגער אונטערשיעד צווישען מענש און מענש, וויא דאָס איז היינט, ווען איינער שטעהט אויף דער שפּיצע פון וויסענשאפט און דער אנדערער קען אפילו ניט דעם אלף־בית, ווען איינער האָט יעדע מעגליכקייט צו ענטוויקלען זיינע פעהיגקייטען און דער אנדערער האָט קיין מעגליכקייט. דער אונגעהייערער אונטערשיעד, וואָס ווערט מייסטענס פעראורזאכט פון דיא געזעלשאפט גופא, וועט נאטירליך אויפהערען צו עקזיסטירען; עס וועלען אָבער אימער זיין שטארקע און שוואכע, פעהיגע און אונפעהיגע, גוטמיטהיגע און בייזע, סאנגוויניקער און פלעגמאטיקער א. ז. וו. בקיצור, יעדער מענש ווערט געבאָרען מיט געוויסע ספּעציעלע מעלות און חסרונות, א ספּעציעלע ארט פון דענקען און פיהלען, פון געשמאק און ליעבע צו געוויסע זאַכען. דיא ערציהונג אין דער היים, אין דער שולע, דיא אומגעבונג וועלען נאטירליך ווירקען, אז דיא איינגעבאָרענע מעלות זאָלען זיך פערגרעסערען און דיא איינגעבאָרענע חסרונות זאָלען אָבגעשוואכט, אָדער אין גאנצען אויסגעוואָרצעלט ווערען, אָדער זאָגאר זאָלען פערוואנדעלט ווערען אין נוצען־בריינגענדע אייגענשאפטען. זאָ, צום ביישפּיעל, דער בעריהמטער קרימינאָלאָג, צעזאר לאָמבראָזאָ, דערצעהלט אונז, אז ער האָט אליין געזעהען א בעריהמטען כירורג, וועמעס געבוי פון קאָפּ און דיא געזיכטס־ציגע ווייזען דייטליך, אז ער וואָלט געווען א שרעקליכער מערדער. דורך א צופאל איז ער אָבער געוואָרען א כירורג. דיא בלוט־דורסט, נאָך וועלכע זיין נשמה בענעהרט, שטילט ער דאמיט, וואָס ער פערגיסט מענשליכע בלוט דורך מאכען אָפּעראציאָנען. דיעזער בעריהמטער געלעהרטער האָט געבראכט א סך אנדערע ביישפּיעלע. וועגען דער אנגעלעגענהייט, דענק איך, איז עס איבעריג צו זאָגען, אז אין סאָציאליסטישער געזעלשאפט וועט מען אָנווענדען אלע מיטעל דיא שלעכטע אייגענשאפטען ניצליך צו מאכען.

אלזאָ, יעדער מענש קומט אויף דער וועלט מיט א פערשיעדענעם טעמפּעראמענט, מיט פערשיעדענע פעהיגקייטען, מיט א פערשיעדענעם געשמאק, מיט א פערשיעדענע פאָרליעבע פיר געוויסע זאכען, בקיצור, יעדער ווערט געבאָרען מיט בעשטימטע אינדיווידועלע אייגענשאפטען. נאָר דיזע אינדיווידועלע אייגענשאפ־

טען וועט דער סאָציאַליזמוס בשום אופן גאָר ניט זוכען אָפּצושאפען; פערקערט, אָט דיא פערשידענהייט וועט זיין דער הויפט־פאקטאָר אויסצופיהרען דיא פערשיעדענע זאָרטען ארבייט; יעדער וועט זיך נעהמען צו דאָס, צו וואָס זיין טעמפּעראמענט, זיין טאלענט, זיין נייגונג ציהט איהם, און דאָס הייסט, וואו ער קען זיין אם מייסטען ניצליך. אויסער דעם, ווען מען וואָלט שוין יא געקענט דורך צוואנג ענדערן דיא אינדיווידואליטעט פון מענשען און מאכען אלעמען גלייך, דאן וואָלט דאָס לעבען געווען צו מאָנאָטאָן. יעדער ווייס אוים ערפאהרונג, ווען מען קומט זיך צוזאמען מיט מענשען, וועלכע שטימען צווישען זיך אין יעדער הינזיכט, דאן פיהלט מען זיך לאנגווייליג.

דערפון קען דער לעזער שליסען, אז פון מאַכען אין דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט אלעמען גלייך קען גאָר קיין ריידע ניט זיין; גראדע פערקעהרט, מען וועט גאָר זוכען וואָס מעהר צו ענטוויקלען דיא אינדיווידועלע אייגענשאפטען פון מענשען.

## פיערטער קאפיטעל.

א פיעל ערנסטערע קשיא איז: פון וואנען וועט מען נעהמען אלעמען צו ערנעהרען און צו בעקליידען, ווען מען וויל נאָך דערצו פערקירצען דיא ארבייטסצייט? אום אויף דעם צו ענטפערן, וועל איך מוזען אָנקומען צו ציפער. איך ווייס אפילו, אז דער אידישער לעזער האָט פיינט סטאטיסטישע רעכנונגען, אָבער איך קען מיר נישט העלפען. איך וועל זוכען צו זיין זאָ קורץ וויא נאָר מעגליך.

איך נעהם אָן, אז אלעס אין דער פּראָדוקציאָן בלייבט אונגעענדערט, נאָר דעם פּראָפיט וואָס דיא קאפּיטאליסטען שטעקען אריין אין זייערע קעשענעס, ווערט פערטהיילט אונטער דיא ארבייטער. לאָמיר זעהען, וואָס וועט דאן זיין: איך נעהם דעם יעהרליכען בעריכט פון דעם שטאָל־טראָסט פאר 1902 אין אמעריקא:

סך הכל האָט דיזער טראָסט אין דעם יאָהר אויסגעצאָהלט: פּראָצענט פיר דיא פּריאָריטעטס־אקציען 35,720,177 דאָל.; פּראָצענט פיר דיא שטאמם־אקציען 20,332,690. דיא אונגעטהיילטע פּראָפיטען האָבען בעטראָפען $34,263,656. צוזאמען $90,316,528.

איך רעכען דאָ ניט אריין דיא $20,000,000 מיט וועלכע מען האָט בעלוינט דעם באנקיר מאָרגאן פאר ארויסלאָזען און פארשפּרייטען דיא אקציען אויף דער בערזע — א סוממע, וועלכע דיא סאָציאליסטישע געזעלשאפט וועט קיין מאָל ניט צאָהלען צו איין פערזאָן. אין 1902 האָט דער שטאָל־טראָסט בעשעפטיגט 168,127 ארבייטער, צו וועלכע מען האָט אויסגעצאָהלט 120,528,343 דאָל. וואָס עס מאכט דורכשניטליך 717 דאָל. פיר יעדען. ווען מיר זאָלען פערטהיילען דעם פּראָפיט, וואָס איז אויסגעצאָהלט געוואָרען צו דיא אקציאָנערען, נעמליך: 90,316,523 דאָל. צווישען דיא ארבייטער, וועט יעדער פון זיי קריגען 537 דאָל. 19 סענט, דאָס הייסט כמעט פערדאָפּעלט זייער לוין.

נאָר דאָס איז פערהעלטניסמעסיג א קלייניגקייט. דיא הויפּט־זאך איז דיא פערגרעסערונג פון דער פּראָדוקציאָן גופא, וועלכע קען לייכט אויסגעפיהרט ווערען אפילו ביי דער היינטיגער טעכנישער ענטוויקלונג. קודם כל וועלען אלע קליינע פאבריקלעך, ווערקשטעטע, ווערהייזער אָבגעשאפט ווערען, און דיא פּראָדוקציאָן וועט קאָנצענטרירט ווערען אין גרויסע פאבריקען מיט דיא בעסטע און נייעסטע מאַשינעריען. אז דאָס איז לייכט אויסצופיהרען צייגען אונז אם בעסטען דיא אמעריקאנער טראָסטס. זאָ, צום ביישפּיעל, האָט דער וויסקיטראָסט אויסגעקויפט 80 גרויסע ברויעריין און האָט 68 פון זיי גלייך געשלאָסען, נאָר אין דיא 12 פערבליבענע ברענעריין פּראָדוצירט מען מעהר שנאפּס, וויא פריהער אין דיא 80. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט דעם צוקער־טראָסט. דריי פערטעל פון דיא פריהערע צוקער־פאבריקען האָט דער טראָסט געשלאָסען, און בלויז אין איין פערטעל פון זיי פּראָדוצירט מען מעהר צוקער וויא פריהער אין אלע. דאָס וואָס דער טראָסט טהוט אין איינצעלנע צווייגען פון אינדוסטריע, וועט דיא סאָציאליסטישע געזעלשאפט קענען טהאָן אין דער גאנצער פּראָדוקציאָן. אויסער דעם, זעהט דעם געוואלדיגען אונטערשיעד: דורך דיא אָבשאפונג פון דיא קליינע אונטערנעהמונגען און דורך דיא קאָנצענטרירונג אין גרויסע, פערשטעהט זיך, אז א גרויסער טהייל ארבייטער בלייבען אָהן בעשעפטיגונג. דאָס פערגרעסערט נאטירליך דעם אָנגעבאָט פון ארבייטער, און בענוצענדיג זיך מיט דעם, פערקלענערט דער טראָסט דעם לוין און האלט דעם ארבייטער מעהר אין צוואנג.

ווייטער: עס לוינט דעם טראַסט ניט צו פּראָדוצירען א סך וואארע, כדי דיא נאכפראגע זאָל זיין גרעסער פאר דעם אָנגעבאָט און ער זאָל קענען רעכענען העכערע פּרייזען פיר דיא סחורה. גראדע דאָס געגענטהייל וועט זיין אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט. וואָס מעהר ארבייטער עס וועלען שאפען, אלץ מעהר וועט מען פּראָדוצירען, און וואָס מעהר עס וועט פּראָדוצירט ווערען, אלץ גרעסער וועט זיין דער לוין.

איך וועל דאָ דעם לעזער ניט לאנגווייל_ען מיט פערשיעדענע חשבונות און ציפערען; איך וועל איהם דאָ בלויז געבען דיא אונטערסטע שורה, ד. ה. דעם רעזולטאט פון פערשיעדענע אויסרעכענונגען, וועלכע זיינען דאָס רוב געגרינדעט אויף אָפיציעלע סטאטיסטיקס און אויף דיא אונטערזוכונגען פון גרויסע פאכמענער. יעדער ווער עס אינטערעסירט זיך מיט דער פראגע, קען געפינען מכח דעם א גענויע רעכענונג אין אטלאנטיקוס'ס בוך: „פּראָדוקציאָן און קאָנסום אין סאָציאלשטאאט".

עס איז אלזאָ אויסגערעכענט, אז ביי דעם היינטיגען צושטאנד פון טעכניק, ווען מען זאָל פּראָדוצירען בלויז אין גרויסען, וועט ביי א 5 שטונדיגען ארבייטסטאָג ווערען פּראָדוצירט דאָס דאָפּעלטע, וויא היינט. דאָס מיינט, אז אין דעם סאָציאליסטישען שטאאט וועט מען קענען ארבייטען א העלפט צייט און קריגען א דאָפּעלטען לוין. נאָר דערמיט ענדיגען זיך נאָך ניט דיא נוצען פון גרויס־אינדוסטריע. מען קען נאָך פיעל מעהר איינשפּאָרען. צום ביישפּיעל, ווען אָנשטאָט 300 פאבריקען וועט מען איינריכטען בלויז 35 אָדער 40, וועט מען דערביי איינשפּאָרען אין מאשינעריען, געביידען, צופיהרען פון דיא רויהע מאטעריאל און טראנספּאָרטירען דיא פארטיגע סחורה; מען וועט איינשפּאָרען אין הייצונג און בעלייכטונג, מען וועט ברויכען פיעל־פיעל וויניגער מענשען, וועלכע זאָלען אויפפּאסען און לייטען דיא ארבייט. עס וועט אָבגעשאפט ווערען א גאנצע קלאסע פון רייזענדע אגענטען, וויא אויך אי־ אונגעהויערע מאסע פון צווישענהענדלייר. דיא קאָסטען פון אדווערטייזמענטס (אנאָנסען), וועלכע זיינען א גרויסע אויסגאבע אין דער קאַפּיטאליסטישער פּראָדוקציאָן, וועלען נאטירליך ערשפּארט ווערען. דיא רייזענדע אגענטען צוזאמען מיט צווישענהענדלער וועלען פערגרעסערען דיא צאָהל פון ניצליכע ארבייטער, דורך וואָס מען וועט פערגרעסערען דיא פּראָדוקציאָן. א חוץ דעם, וועלען צוקומען דיא הונדערטע טויזענדע יונגע און דיא שטארקסטע מענשען, וועלכע פערברייינגען היינט זייערע בעסטע יאָהרען אין לערנען וויא צו טויטען זייערע מיטמענשען; איך מיין דאָס מיליטער, וואָס וועט אין דיא צוקינפטיגע געזעלשאפט ניט עקזיסטירען, יעדענפאלס ניט אין אזא צאָהל און פאָרם וויא היינט.

אלזאָ, דער לעזער קען זעהען, אז קיין מאנגעל אין ארבייטס־קרעפטע וועט אין דער סאָציאַליסטישער געזעלאשפט ניט זיין.

„גוט," וועט מען אונז זאָגען, „מיר גיבען צו, אז פּראָדוצירען קען מען אזוי פיעל, אז עס זאָל קלעקען פאר אלעמען, איהר מוזט אָבער ניט פערגעסען, אז אום צו פּראָדוצירען, דארף מען האָבען רוי־מאטעריאל, און דאָס איז גראדע בעשרענקט, דאָס גראדע פערמעהרט זיך ניט אין אזא פּראָפּאָרציאָן וויא דיא מענשען פערמעהרען זיך".

אום דארויף צו ענטפערען, וועל איך געצוואונגען זיין דעם לעזער ווידער מכבד צו זיין מיט א פּאָרציע ציפער; איך וועל אָבער אויך דאָ בלויז געבען דעם רעזולטאט, צו וועלכען גרויסע פאכמענער זיינען געקומען.

עס איז אויסגערעכענט און בעוויזען אויף דעם גרונד פון עקספערימענטען, אז ווען דיא לאנדווירטשאפט זאָל בעטריבען ווערען אין גרויסען, ווען מען זאָל אָנווענדען אלע נייע ערפינדונגען, וועלכע עקזיסטירען שוין, אום דיא ערד צו בעארבייטען, ווען מען זאָל דיא ערד צוריקגעבען דיא שטאָפען, וועלכע זיא פערלירט דורך דעם וואקסען פון פרוכטען; ווען מען זאָל געברויכען זאאט־סאָרטירונג, ווען מען זאָל געברויכען דרענאזש, ד. ה. אָבצוגס־קאנאלען, דורך וועלכע עס ווערען אויסגעטריקענט דיא בלאָטיגע און זומפּיגע ערטער, און ווען מען זאָל מעהר פערשפּרייטען קאנאליזאציאָן, ד. ה. בעוואסערונג פון טרוקענע ערטער — ווען מען זאָל דאָס אלעס אויספיהרען, דאן קען דייטשלאנד אליין, וועלכע אימפּאָרטירט היינט א גרויסען טהייל תבואה פון אויסלאנד, פּראָדוצירען 251,92 מיליאָן דאָפּפּעלצענטנער תבואה. עס איז אויסגערעכענט, אז דורכשניטליך געברויכט יעדער מענש 175 קילאָגראם ברויט א יאָהר; אלזאָ דיא תבואה, וואָס קען פּראָדוצירט ווערען אין דייטשלאנד, וואָלט קלעקען פיר 144 מיליאָנען

מענשען צו ערנעהרען. נאָך דער פאָלקסצעהלונג פון 1900 האָט דייטשלאַנד געהאַט 56,345,000 איינוואָהנער, אַלזאָ דיא פּראָדוקציאָן פון תבואה וועט זיין גענוג, ווען דייטשלאַנד'ס בעפעלקערונג זאָל זיך פערדרייפאַכען. דיא זעלבע שטייגערונג פון פּראָדוקציאָן קען עררייכט ווערען אויף אין אַלע אנדערע אקערבוי־פּראָדוקטען, ווי קאַרטאָפעל, ארבעס, באָב, אַלערהאַנד געמיזע, פרוכטען א. ז. וו. היי און פערשיעדענע אנדערע פיטער פיר בהמות קען אין דער זעלבער פּראָדוקציאָן געשטייגערט ווערען, און דאָס וועט געבען דיא מעגליכקייט צו בעטרייבען א גרויסע פיהצוכט, דורך וואָס עס וועט נאַטירליך פערמעהרט ווערען פלייש, מילך, קעז, פּוטער א. ז. וו. א חוץ דעם ווייסען מיר, אַז דער פּלאַץ פון פערד וועט אַלץ מעהר און מעהר פערנומען פון דאַמפּף און עלעקטריציטעט, זאָ דאָס דיא שפּייז, וועלכע מען געברויכט היינט פיר פערד, וועט קענען בענוצט ווערען פיר אנדערע הויז־טהיערע.

דאָס אַלעס איז גערעדט מכוח דייטשלאַנד, וואו דאָס לאַנד איז ניט פרוכטבאַר און דיא בעפעלקערונג איז זעהר געדיכט. עס זיינען אָבער פאַראַן לענדער, וויא רוסלאַנד, צענטראַל־אַמעריקא, ארגענטיניען, דיא פעראייניגטע שטאַאטען, קאַנאַדא, וואו דאָס לאַנד איז זעהר פרוכטבאַר און דיא בעפעלקערונג פערהעלטניסמעסיג גאַנץ קליין.

זאָ, צום ביישפּיעל, האָט ארגענטיניען בלויז 5 מיליאָן העקטאַר לאַנד קולטיווירט, וועהרענד זיא בעזיצט נאָך 96 מיליאָן העקטאַר ניט קולטיווירטעס לאַנד. עס ווערט געשעצט, אַז דיא פעראייניגטע שטאַאטען פון אַמעריקא בעזיצט 200 מיליאָן העקטאַר לאַנד, וועלכע ליגען נאָך אָהן געברויך. איהר מוזט וויסען, אַז דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגארן, ענגלאַנד, פראַנקרייך און דיא פעראייניגטע שטאַאטען צוזאַמען האָבען בלויז 105 מיליאָן העקטאַר לאַנד, אויף וועלכע מען האָט פערזייהט תבואות. בראַזיליען, איינע פון דיא פרוכטבאַרסטע לענדער פון דער וועלט, בעזיצט 152 טויזענד קוואַדראַטמיילען, אויף וועלכע עס וואָהנען בלויז 18 מיליאָן איינוואָהנער, וועהרענד אייראָפּא האָט 178 קוואַדראַטמיילען מיט א בעפעלקערונג פון 360 מיליאָן מענשען. דיא פעראייניגטע שטאַאטען פון אַמעריקא קענען לייכט ערנעהרען 1200—1500 מיליאָן מענשען, דאָס הייסט: אַז דיא בעפעלקערונג קען זיך 15 ביז 20 מאָל פערגרעסערען און עס וועט זיין גענוג נאַהרונג פאַר אַלעמען. קאַנאַדא, וועלכע האָט א בעפעלקערונג פון 6 מיליאָן, קען שאַפען שפּייז פיר מעהרערע הונדערט מיליאָן. דאַן קומען אויסטראַליען און מאַסען פרוכטבאַרע אינזלען.

אויסער אַלעם דעם האָט דיא כעמיע נאָך לאַנג ניט געזאָגט איהר לעצטעס וואָרט. דיזע וויסענשאַפט וועט זיכער שאַפען וואונדער מיט דער צייט.

בקיצור, דער לעזער זעהט פון דיא אויבענגעבראַכטע פאַקטען, אַז מיר דאַרפען קיין מורא ניט האָבען צו פערהונגערן, ער זעהט, אַז מיר מעגען מיט פולער רעכט צוזאַמען מיט הענריך היינע זאָגען:

„עס וועקסט אויף ערדען בראָט גענוג
פיר אַלע מענשענקינדער,
אויך ראָזען אונד מירטען, שעהנהייט אונד לופט,
אונד צוקקערערבסען ניכט מינדער.

יאַ, צוקקערערבסען פיר יעדערמאַנן,
זאָבאַלד דיא שאָטען פּלאַצען !
דען הימעל איבערלאַססען וויר
דען ענגעלן אונד דען שפּאַצען".

אויף דיא בעהויפּטונג, אַז דיא בעפעלקערונג פערגרעסערט זיך אין א געאָמעטרישער פּראָפּאָרציאָן איז פאַלש.. עס איז א פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז וואָס אָרימער דער מענש איז, וואָס וועניגער ער האָט דיא מעגליכקייט צו האָבען פערגניגען, אַלץ מעהר קינדער האָט ער, דען דער געשלעכטס־גענוס איז דאָס איינציגע ביליגע און איהם צוגענגליכע פערגניגען, וועלכע עס בלייבט איהם אין לעבען. „דעם ענגלישען ארבייטער, זאָגט ווירכאָוו, אין זיין טיעפער פערזונקענהייט און אין זיין פערקריפּעלטען גייסט איז איבערגעבליבען בלויז צוויי קוועלען פון פערגניגען: דער רויש (שכור'ן) און די בעפריעדיגונג פון געשלעכטס־בעטריעב". קאַרל מאַרקס זאָגט אויך, אַז דיא צאָהל פון דיא געבורטען איז אין אומגעקעהרטער פערהעלטניס צו דעם וואָהלשטאַנד, ד. ה. וואָס אָרימער דיא פאַמיליען, אַלץ מעהר קינדער האָבען זיי. דיזעלבע מיינונג איז אויך אויסגעדריקט פון הערבערט ספּענסער. „דיא ווייטערע ענטוויקלונג, וועלכע ערוואַרטעט דיא מענשהייט,

שרייבט ער, וועט וואהרשיינליך פערקלענערען זייער פאָרטפפלאַנצונג".

איהר זעהט, אז דריי גרעסטע מענער פון 19טען יאהר־הונדערט האָבען דיא זעלבע מיינונג איבער דיא פּערגרעסערונג פון דער בעפעלקערונג. איבערהויפט יעדער קען לייכט זעהען, אז דיא רייכע האָבען ענטוועדער 1, 2 און העכסטענס 3 קינדער; זעהר אָפט האָבען זיי גאָר קיינע, וועהרענד דיא אָרימע זיינען דורכשניטליך געבענשט מיט א האלבען און אָפט אפילו מיט א גאנצען מנין קינדערלאך. אלזאָ, ווען הונגער און נויטה וועלען אויפהערען צו זיין דער שטענדיגער בעגלייטער פון דעם גרעסטען טהייל פון דער מענשהייט, ווען עס וועלען פיר אלעמען געעפענט ווערען אויך אנדערע פערגניגען, אויסער געשלעכטס־בעטריעב, וועט דיא צאָהל פון געבורטען זיך שטארק, שטארק פערקלענערן. יעדענפאלס, ווען אפילו דיא פערגרעסערונג פון דער בעפעלקערונג זאָל אָנגעהן אין דער זעלבער פּראָפּאָרציאָן, וויא איצט, זיינען דיא מענשען אויך געזיכערט מיט אלע לעבענסבעדירפניסע — אפילו מיט גרעסטע לוקסוס־זאכען — פיר הונדערטע און זאָגאר פיר טויזענדע יאָהרען.

(שלום פאָלגט.)

**דר. איזאַק אָרטמאַן.**

# סאָציאַליזמוס און מאָראַל

II

דער רעזולטאט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן צו ענדע פון 18־טען יאָהרהונדערט איז געווען א זיעג פון דער בורזשואזיע (מיטעלקלאס) איבער דעם אדעליגען קלאס. נאָר עס וועט זיין לעכערליך צו זאָגען, אז נאָר צוליעב דיא געגענזעצליכקייט פון דיזע צוויי קלאסען האָט דיא רעוואָלוציאָן געטראָגען אזא מורא'דיגען כאראקטער.

ווען מאראט האָט געפאָדערט נאָך 300,000 קעפּ אין דיא אינטערעסען פון דער רעוואָלוציאָן, האָט ער דאן געוויס ווייניג געקלערט וועגען בורזשואזנע אינטערעסען. אָהן צווייפעל האָט דיא בורזשואזיע, וויא א קלאס, גענומען א טהעטיגען אנטהייל אין דער פערטהיידיגונג פון איהרע קלאסען־אינטערעסען. אָבער קיין מאָל האָט דער קאמפף געגען דעם פעאָדאליזם ניט ערגרייכט דיא שטופּפע, וויא דער קאמפף פון פראָלעטאריאט געגען דיא בורזשואזיע, צוליעב דעם אליין, ווייל דיא בורזשואזיע איז אלס א קלאס פיעל קלענער אין צאָהל, וויא דער פראָלעטאריאט, און אויך צוליעב דעם, ווייל דיא בורזשואזיע האָט זיך קיין מאָל ניט געשטעלט אזוינע ציעלען וויא דער ארבייטער־קלאס צו קעמפפען געגען פריוואט־אייגענטהום. אין דער הינזיכט זיינען דיא אידעאלען פון דער בורזשואזיע ניט געגאנגען ווייטער וויא דיא אידעאלען פון איהרע פּאָליטישע געגנער: דיא גלחים און אדעליגע. אָבער גאָר אנדערש זיינען דיא ציעלען פון פראָלעטאריאט. דער ארבייטער־קלאס וויל איבערענדערען דיא עקזיסטירענדע אָרדנונג פון פריוואט־אייגענטהום אויף א סאָציאליסטישע, א געזעלשאפטליכע.

דער קאמפף פון דיא געגנערישע קלאסען איז צוליעב דיזע פאָדערונג געוואָרען א קאמפף אויף לעבען און טוידט. דער ארבייטער־קלאס ווייס, אז זיין איינציגע רעטונג היינגט אָפּ פון דער מפלה פון דער בורזשואזיע. דיא בורזשואזיע, פערקערט, ווייס, אז מיט דעם זיעג פון פראָלעטאריאט ענדיגט זיך איהר עקזיסטענץ. צוליעב דיזע ראדיקאלע פאָדערונג, וועלכע דריקט זיך אויס אין סאָציאליזם, האָט דער פראָלעטאריאט ארויסגערופען געגען זיך אלע איבעריגע קלאסען: דיא אדעליגע און גייסטליכע, וועלכע רופען צום קאמפף געגען סאָציאליזם ניט ווייניגער וויא דיא בורזשואזיע זעלבסט.

צו קומען צו דעם ציעל, וועלכען מיר האָבען אין דיזען ארטיקעל געשטעלט, וועט ניט זיין איבעריג צו בעטראכטען אויספיהרליכער אלעס וועגען וואָס איז שוין אויסגעקומען צו ריידען.

נאָך דעם וויא דער נאַטירליכער שטאנדפונקט—דעם קאמפף אום דאזיין—איז געוואָרען פיר דיא בורזשואזיע א שטעקען מיט צווי עקען, דען פון איין זייט פערטהיידיגען זיי דורך איהם דיא קאפיטאליסטישע עקספּלואטאציע און פון דער צווייטער זייט דיענט דער זעלבער שטאנדפונקט פיר איהר אלס ארגומענט געגען גלייכהייט אָדער סאָציאליזם — ווערט פיר אונז בעזאָנדערס וויכטיג צו בעטראכטען דיא פראגע וועגען נאטירליכקייט, ד. ה. וואָס איז אזוינס נאטירליך.

ווען מיר ווייסען אז דער קאמפף אום דאזיין האָט געביטען זיין פאָרמע אין פערשידענע עפּאָכען פון דער מענשליכער קולטור, ניט אָנווערענדיג זיין ווירקונג. אז אויף דעם אָרט פון קערפּערליכע קרעפטען זיינען ארויס אויף דער סצענע פון לעבען נייע פאקטאָרען, וויא געזעלשאפטליכע, אינטעלעקטועלע א. ד. ג., פאָלגט דערפון, דאָס ווען מיר זאָלען אפילו זיין איינשטימיג מיט דער בורזשואזיע אין דער ערשטער העלפט פון איהר מיינונג, קענען מיר אויף קיין פאל ניט איינשטימיג זיין מיט דער צווייטער העלפט. נעמליך: ווען אפילו זיא האָט געפונען א גוטען ארגומענט צו פערטהיידיגען איהר עקספּלואטאציע, איז דאָך זעהר פאלש איהר בעהויפּטונג, דאָס וויא באלד דיא נאטור זעלבסט בעשאפט שטארקערע און שוואַכערע, לייקענט זיא שוין דערמיט אָפּ דעם סאָציאליזם. פאלש איז איהר מיינונג דערפאר, ווייל ווען דיא בורזשואזיע נעמט דעם נאטירליכען געזעץ פון קאמפף וויא איין ארגומענט, פערגעסט זיא, אז דיזער קאמפף האָט אין פערשידענע צייטען געביטען זיין פאָרמע. אויב דיא בורזשואזיע זאָגט, אז עקספּלואטאציע איז רעכט, ווייל אזוי איז דער געזעץ פון דער נאטור, איז זיא אבסאָלוט אונגערעכט, ווען זיא זעצט צו, אז דיא סטרעבונג צו גלייכהייט איז אוננאטירליך.

אויף דער פראגע: וואָס הייסט נאטירליך? מוז מען ענטפערן: אלעס וואָס עקזיסטירט מוז זיין נאטירליך. ווען אין געוויסע צייטען איז געווען נ א ט י ר ל י ך, אז איין מענש האָט אויפגעפרעסען דעם צווייטען, מוז מען אויך אנערקענען נאטירליכקייט, ווען א קולטור־מענש איז פערטיג צו אָפּפערען זיך פיר'ן צווייטען. אויב דעם ווילדען מענשען'ס נאטור האָט מעהר ניט ענטהאלטען וויא אן אינסטינקט פון ענגען עגאָאיזם, איז דעם יעצטיגען מענשען'ס נאטור רייך מיט אזוינע אייגענשאפטען, וועלכע זיינען דעם ווילדען מענשען כמעט וויא ניט בעקאנט. אזוי וויא שכל איז אן אייגענשאפט, וועלכע מען מוז אָנרופען נאטירליכער, זאָ איז דיא מאָראל ביי דעם יעצטיגען מענשען געוואָרען דאָס גלייכען נאטירליך. מיט איין וואָרט אלעס, וואָס עס עקזיסטירט, וויא עס זאָל ניט זיין געגען געוויסע לעבענס־פאָרמען, מיזען מיר אָנרופען נאטירליך.

מיר קענען מעהר ניט זאָגען, אז דיא נאטור בייט איהרע פאָרמען, אָבער יעדע פאָרמע מוז זיין נאטירליך. וויא מיר זאָלען זיין איבערציינט, אז געשעלשאפטליכע געפיהלען זיינען נאטירליך, דאָך, ווען מיר טרעפען סעקטען, וועלכע קעמפּפען געגען דיזע געפיהלען, מיזען מיר זאָגען, אז ביידעס איז נאטירליך. דען וויא באלד עס האָבען זיך געקענט ענטוויקלען ביי סעקטען אזוינע רעליגיעזע געפיהלען, וועלכע זאָלען קענען קעמפּפען געגען דיא עקזיסטירענדע געשעלשאפטליכע געפיהלען, איז מיט דעם אליין שוין בעוויזען דיא נאטירליכקייט פון זייער עקזיסטענץ. ווער קען אונז בעשטימט זאָגען, וואָס פיר בעשעפעניסען עס עקזיסטירען אויף אנדערע פלאנעטען? עס קען זיין, אז ווען איינציגע פון אונז וואָלטען אָנגעפאנגען צו לעבען נאָך'ן ארט פון יענע בעשעפעניסען, דאן וואָלט געוואָרען א געשריי, אז מיר פערברעכען געגען דער נאטור. דאָס גלייכען, ווער קען אונז בעשטימט זאָגען, וואָס פיר געפיהלען וועלען עקזיסטירען אויף אונזער ערד אין טויזענדער יאָהרען שפּעטער? עס קען זיין, אז ביי דיא מענשען פון ווייטער צוקונפט וועלען ווערען אויסגעארבייט אזוינע אייגענשאפטען, וועלכע וועלען ניט קענען שטימען און וועלען מוזען קעמפּפען מיט געשעלשאפטליכע געפיהלען.

זעלבסטמאָרד איז אן אנדער פאקט, וואָס בעשטעטיגט אונזער מיינונג. יעדער זעהט דייטליך, אז דער פאקט איז דירעקט געגען דיא שטרעבונגען, וועלכע לעבען אין יעדער בעשעפעניס, געגען דעם מעכטיגען אינסטינקט צו לעבען.

נאָך דעם, וויא פיר אונז זיינען דייטליך געוואָרען דיא דריי פונקטען, וועלכע זיינען בעריהרט געוואָרען ביז יעצט אין דיזען ארטי־קעל, ד. ה., וועגען דיא ראָליע פון מאָראל אין אלגעמיינען מענשליכען לעבען, וועגען דיא צווייפלונג אין דער אבסאָלוטער מאָראל און וועגען דיא נאכגעבונג, אז אויך דיא בורזשואזיע קען האָבען וויכטיגע ארגומענטען צו פערטהיי־דיגען איהר מאָראל פון עקספּלואטאציאָן — און נאָך דעם וויא פיר אונז איז דייטליכער גע־וואָרען דיא מיינונג וועגען נאטירליכקייט, קע־נען מיר צוטרעטען צו ענטשיידען אונזער פרא־גע וועגען דיא בעציהונג פון מאָראל צום סאָ־ציאליזם.

וויא באלד אלעם עקזיסטירענדעם מוז זיין נאטירליך, פערשטעהט זיך, אז מיר מוזען אויך אנערקענען דיא נאטירליכקייט פון דער בור־זשואזיע־אָרדנונג. וויא טראגיש און קאָמיש עס זאָלען ניט זיין דיא פאקטען, וועגען וועלכע מיר וועלען ריידען, דאָך וויא באלד נאָר זיי עקזיסטירען, מוזען מיר מיט זיי זיך רעכנען וויא מיט נאטירליכע ערשיינונ־גען. דיא הערשאפט פון ניקאָלאי דעם צווייטען איבער 130 מיליאָן מענשען, וויא דיא "הער־שאפט פון דעם געוועזענעם סערבישען קעניג אלעקסאנדער, וועמעס אידיאָטיזם איז אנער־קענט געוואָרען פאקטיש ביי פאָלמעסען איהם, ווי אונזיניג דאָס זאָל ניט זיין, דאָך מוזען מיר זאָגען, אז זיי זיינען ניט ווייניגער נאטירליך, וויא אלעם וואָס עקזיסטירט. ניט קוקענדיג, וואָס דער רוסישער צאר צייכענט זיך ניט אויס מיט אינטעלעקטועלע, מאָראלישע און פיזישע קרעפטען, פון דעסטוועגען, וויא באלד דיא רו־סישע געזעלשאפטליכע בעציהונגען עקזיסטירען אין דיא טראדיציעס און אבערגלויבענס פון דער מאסע, וויא באלד דיא ארמעע, וועלכע בעשטעהט פון פאָלק זעלבסט, איז גרייט צו פערגיסען איהר בלוט פיר דיא הערשאפט פון צאר, מוז מען שוין שליסען, אז דיזע אָרדנונג איז א נאטירליכע. דיא אויבענדערמאָנטע פאקטען אילוסטרירען דעם קאָמיזם פון יעצטיגע רעגירונגען. נאָר מיר בעדארפען ניט פערגעסען, אז דיא בורזשואזיע־אָרדנונג ענטהאלט אין זיך ניט וויינינג אזוינע פאקטען.

וויא מיר האָבען געזעהען, זיינען אפילו דיא אבערגלויבענס און טראדיציעס, וועלכע דינען יעצט פיר דיא נוצען פון דער בורזשואזיע, אויך נאטירליך. מיר קענען זאָגען נאָך מעהר, אז דער שטאנדפונקט, פון וועלכען דיא בורזשואזיע פערטהיידיגט דיא יעצטיגע אָרדנונג, איז א ריכטיגער. אָבער מיר מוזען אויך זאָגען, אז ווי באלד עס האָט זיך ענטוויקעלט א קלאס פראָ־לעטאַריאט, וועמעס מאָראל איז געגען דיא עקזיסטירענדע בורזשואזיע, האָט אויך זיין מאָראל א פאָלקאָמעס רעכט אויף עקזיסטענץ און געהט ניט געגען דעם נאטירליכען גאנג פון דער מענשליכער געזעלשאפט, וויא דיא בורזשו־אזיע בעהויפּטעט עס. אמת, דיא נאטור בע־שאפט שטארקערע און שוואכערע, נאָר ווען אפילו זיא זאָל בעשאפען פארטיגע רייכע און אָרימע, קען מען דאָך ניט צונעהמען פון סאָ־ציאליזם זיין נאטירליכע רעכט, ווייל וויא באלד עס עקזיסטירט א מאָראל, וועלכע פאָר־דערט גלייכהייט, מוזען מיר זעהען אין איהר עקזיסטענץ א נאטירליכע ערשיינונג. פיר אונז איז יעצט אלץ איינס אויב דיא מאָראל פון סאָציאליזם וועט זיין א סוביעקטיווע, אויך זיינען פיר אונז ניט וויכטיג די אייגענשאפטען פון דער פראָלעטארישער מאָראל — זאָל זיין אז זיא איז בעשאפען געוואָרען נאָר צוליעב דיא אינטערעסען פון פראָלעטאריאט. פיר אונז איז וויכטיג דער פאקט, אז א מאָראל, וועלכע פאָר־דערט גלייכהייט, עקזיסטירט, און ווען מיר וואָלטען זיך געקענט פאָרשטעלען, אז דיא וויר־קונג פון דיזער מאָראל וואָלט געווען אזוי שטארק, אז זיא וואָלט געקענט קעמפפען געגען רייכטהום און ארמוטה, ווען מענשען וואָלטען אפילו אזעלכע בעשאפען געוואָרען, אויך דאן וואָלטען מיר ניט געקענט זאָגען, אז דיא סאָ־ציאליסטישע מאָראל איז געגען דיא נאטור. פיר אונז וואָלטען עקזיסטירט צוויי קעמפפענדע קרעפטען: פון איין זייט געבאָרענע אונגלייכ־הייט, פון דער צווייטער זייט דיא מאָראלישע פאָרדערונג צו גלייכהייט. און אויב דיא לעצ־טע וואָלט געזיעגט אין קאמפף און עס וואָלט געוואָרען אזא אָרדנונג, ביי וועלכען מען וואָלט שוין ניט בעדארפט קעמפפען פיר גלייכהייט; ווען גלייכהייט וואָלט צוליעב דעם מאָראלישען פאקטאָר בעקומען בירגער־רעכט אין מענשליכע הערצער, דאן ווען עס וואָלט געטראָפען, אז איינציגע וואָלטען ניט וועלען אָבגעבען אין דער געזעלשאפטליכער קאסע זייער מיטגעבאָרענע רייכטהום, וואָלטען מיר אין דיזען פאקט גע־זעהען א נאטירליכע ערשיינונג.

דער פאקט, אז מענשען ווערען געבאָרען ניט קיין גלייכע: מיט פערשידענע גרעסערע און קלענערע פעהיגקייטען, זאָגט אונז גאָר ניט וועגען דעם, וויא מענשען בעדארפען לע־בען אין א געזעלשאפט. דיא געזעלשאפט איז א נאטירליכע ענטוויקלונג פון מענשליכען לע־בען, און אויב א געזעלשאפט האָט אויסגעאר־בייט קלאסען: ארבייטער און בורזשואזיע, איז עס אזוי נאטירליך, וויא דיא נאטור בעשאפט פאראזיטען און געוועהנליכע בעשעפניסען. דאָס גלייכען, ווען מיר זעהען א שטרעבונג פון פראָלעטאריאט צו ענדערען דיזע קלאסען־אָרד־נונג, מוזען מיר זאָגען, אז דיא שטרעבונג איז נאַטירליך. און אויב דיא מאָראלישע שטרע־בונג, וועלכע דער קלאסען־קאמפף האָט אויס־געארבייט, וועט ערגרייכען איהרע ציעלען פון גלייכהייט, וועלען מיר מוזען ערקלערען, אז דיא סאָציאליסטישע אָרדנונג, וויא געגענ־געזעצט זיא זאָל ניט זיין צו דער בורזשו־אזער נאטירליכער אָדרנונג, איז אליין ניט וויניגער נאטירליך.

דער קלאסען־קאמפף פון פראָלעטאריאט אונטערשיידעט זיך מיט דעם, וואָס ער קעמפפט ניט וויא אלע איבעריגע קלאסען בלויז פיר זיין עקזיסטענץ. ער קעמפפט געגען יעדע קלאסען־אָרדנונג, אלזאָ אויך געגען זיין אייגענע קלא־סען־עקזיסטענץ. וויא אלע איבעריגע קלאסען, האָט אויך דער פראָלעטאריאט זיין קלאסען־מאָראל. זיעגען וועט דער קלאס, ניט נאָר וועמעס קרעפטען וועלען זיין גרעסער, נאָר אויך וועמעס מאָראל וועט זיין שטארקער. זאָל זיין, אז דיא פראָלעטארישע מאָראל, וויא אלע אי־בעריגע מאָראלען, האָבען קיין ווערדע אין אב־סאָלוטען זינען; אָבער כל זמן עס עקזיסטירט א קלאס, ביי וועמען עס לעבט א מאָראל פון גלייכהייט, וועלכע איז גרייט צו קעמפפען געגען עקספּלואטאציע פון ארבייטער־קלאס, דאן האָט דיא סוביעקטיווע קלאסען־מאָראל פון פראָ־לעטאריאט אן אונגעהייער גרויסע ווערדע פאר אונז.

ניט גערעכט זיינען דיא יעניגע, וועלכע בע־הויפּטען, אז דער פראָלעטאריאט נייטיגט זיך ניט אין קיינע מאָראלען אין זיין קאמפף. מען ברויכט נאָר זיך נעהנטער צו בעקענען מיט דער פסיכאָלאָגיע פון ארבייטער צו זעהען דיא ניט־ריכטיגקייט פון אזא מיינונג.

געגען דיא לעצטע קענען מיר זאָגען דאָס זעלבע וואָס מיר האָבען געזאָגט געגען דער בורזשואזיע, אז וויא באלד דער ארבייטער, אלס א קולטור־מענש, ענטהאלט אין זיך מאָראלישע אייגענשאפטען, איז שוין צוליעב דעם אליין אונמעגליך, אז ער זאָל פיהרען זיין קאמפף אָהן א בעשטימטען מאָראלישען פרינציפּ. מען מוז צוגעבען, אז ווען מען וואָלט טאַקע קענען צו־נעהמען פון סאָציאליזם זיין מאָראלישען בע־שטאנד, וואָלט זיך אָבגעשטעלט פון איהם ניט מעהר וויא א שטן פון לעבען, וויא א גוף אָהן א נשמה.

דיא בעציהונג פון מאָראל צו סאָציאליזם איז וויא דיא בעציהונג פון גייסטיגען צום קער־פערליכען לעבען. נאָר דער קערפער קען ער־פילען אלע זיינע לעבען־פונקציאָנען, וועמעס גייסט איז ניט קראנק; און, פערקערט, נאָר דער גייסט איז געזונד, וועמעס קערפער האָט נאָך ניט פערלאָרען לעבענס־קראפט.

קלאסען־קאמפף, סאָציאליזם און מאָראל זיינען דריי פערשיעדענע נעמען. נאָר אָב־טהיילען איינס פון דאָס צווייטע איז אונמעג־ליך צוליעב זייער נאטירליכען צוזאמענוואוקס. דיא אוטאָפּיסטען האָבען זיך געמוזט ענטזאגען פון זייער פּלאן, ווייל זיי האָבען אָבגעטהיילט קלאסען־קאמפף פון סאָציאליזם. דאָס גלייכען וועלען מוזען טהאָן דיא, וועלכע טהיילען אָב מאָראל פון קלאסען־קאמפף.

י. פעדער.

# וויסענשאפט און לעבען.

פון דר. ה. זאָלאָטאראָוו.

אלע רעליגיאָנען, דאַכט זיך, זוכען צו פערבעסערען דעם מענשען׳ס לעבען. זיי זוכען צו פארגלעטען יענע ליידען און שמערצען, וועלכע שפּראָצען ארויס פון דיא דיסהארמאָנישע ערשיינונגען אין דער מענשליכער נאַטור. זיי זוכען עס אָבער בלינד און אונבעוואוסטערהייד. דיא וועגען און שטעגען, וועלכע זיי פּרעדיגען און לערנען, אום צו עררייכען דעם דאָזיגען ציעל, זיינען אזוי משונה־ווילד, זיי זיינען בעגרינדעט אויף אזא מורא׳דיגער אונוויסענהייט און פאלשקייט, אז עס איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס זיי האָבען אפילו אויף דעם מינדעסטען ניט פערגרינגערט דיא מענשליכע צרות.

אמת, מענשען און פעלקער האָבען זיך אפילו א מאָל אויפגעהויבען צו יענער שטופּפע פון רעליגיעזער בעגייסטערונג, פון רעליגיעזען התלהבות, אין וועלכע דער מענש פארטויבט אין זיך אלעס, וואָס איז מענשליכעס און גיסט זיך צונויף מיט זיין אייגענעם וואונדערבארען בעגריף פון דעם איבערנאטירליכען, און ווערט פערשוואונדען אין אונבעקאנטע וועלטען. אָבער דאָס הייסט ניט בעסער מאכען דאָס לעבען, עס הייסט פשוט טויטען דאָס לעבען אין דעם מענשען.

אמת, קיינער קען ניט אָבלייקענען דיא גרויסע ווירקונג פון רעליגיעזע בעגריפען און אידעען, פון רעליגיאָנען איבערהויפט, אויף דעם מענשליכען פערשטאנד און מענשליכע טהעטיגקייט, אָבער דאָס הייסט נאָך אלץ ניט פערבעסערען דעם מענשען׳ס רעעלען לעבען. עס הייסט נאָך ניט מינדערען זיינע ליידען און שמערצען. און אויב ערגעץ־וואו טיעף אין דער מענשליכער זעעלע קען מען געפינען א ווינקעלע, וואָס איז גאַנץ געוואָרען דורך א העבערען רעליגיעזען גלויבען, קען מען דערפאר אין דער מענשליכער זעעלע און אויף דעם מענשליכען קערפּער געפינען וואונדען איבער וואונדען, פארבלוטיגטע און פארגיפטעטע, וועלכע זיינען פעראורזאכט געוואָרען פון רעליגיעזער פאלשקייט און רעליגיעזען פאנאטיזמוס.

לאָמיר א בליק ווארפען, וויא רעליגיאָנען האָבען פּרובירט פערבעסערען דעם מענשען׳ס לעבען און וויא דאָס איז זיי געלונגען.

* * *

דער אמאָליגער מענש קען זיך ניט פאָרשטעלען דיא בעדייטונג פון דעם טויט. ער קען ניט פערשטעהן, וואָס הייסט שטארבען, אויפהערען צו זיין, צו עקזיסטירען. אין זיין איינפאכען שכל לייגט זיך ניט אויס קיין אנדערע געדאנקען, וויא דיא, וואָס לערנען איהם, אז דער געשטאָרבענער, אָדער וויינִיגסטענס דער גייסט, וואָס האָט אין דעם לעבעדיגען מענשען געלעבט, איז נור אוועקגעגאנגען ערגעץ אהין ווייט, ווייט אונטער דיא בערג, אָדער אהין, וואו דיא זון פערגעהט. דאָרט וועט דער מענש לעבען פונקט אזוי וויא דאָ. דערפאר טאקע לאָזען איבער דיא אוראלטע מענשען פאר זייערע טויטע נאהרונג און קליידער, אָפטמאָל אפילו קנעכט און ווייבער.

אזוי האָט פערשטאנען דער אוראלטער מענש דיא ערשיינונג, וועלכע מיר רופען אָן טויט. אָבער מיר ווייסען, אז דער דאָזיגער בעגריף איז בעגרינדעט אויף פשוט׳ער אונוויסענהייט; אונוויסענהייט וועגען דיא איינפאכסטע ערשיינונגען פון דער נאטור און לעבען. מיר ווייסען עס, ווייל אזוי לערנען אונז אונצעהליגע פאקטען, אז דער טויט איז דיא ענדע, דער סוף פון דער לעבעדיגער בעשעפעניש און אז זיא וועט שוין קיינמאָל ניט לעבען און זיין טהעטיג אזוי וויא זיא איז געוועזען פאר דעם טויט. מיר ווייסען, אז טויטע עסען ניט און טרינקען ניט — בעגעהרען גאָר ניט און דארפען גאָר ניט. אָבער מיר ווייסען נאָך מעהר. מיר ווייסען, אז

פון דעם טויטען האָט זיך קיין גייסט ניט אָבגעטהיילט, דערפאר ווייל דער גייסט פון דער לעבעדיגער בעשעפעניש און פאָלגליך אויך פון דעם מענשען עקזיסטירט גאָר ניט בעזונדער, נאָר ער קומט ארויס פון דער טהעטיגקייט פון דיא נערוועןֿ, געפיהלען און פערשטאנד פון דיא לעבעדיגע. הערט אויף דער קערפער זיין טהעטיגקייט, הערט אויך אויף דער גייסט זיינע, און אויב דער גייסט פון גרויסע מענשען לעבט נאָך און ווירקט נאָך זייער טויט, לעבט ער ניט דאָרט ערגעץ ווייט, ווייט אונטער דיא בערג, נאָר טאקי דאָ צווישען דיא לעבעדיגע מענשען, און ער לעבט ניט דורך דיא טהעטיגקייט און ווירקונג, וועלכע ער וועט ערשט אויסאיבען אין דער צוקונפט, אין א וועלט וואָס מיר קענען ניט און ווייסען ניט, נור ער לעבט דורך דיא טהעטיגקייט און ווירקונג פון דער פערגאנגענהייט, ווען דער מענש האָט געלעבט און געווירקט אויף אונזער אייגענער וועלט.

וויא קלאָר דיזע געדאנקען זאָלען ניט זיין און וויא שטארק זיי זאָלען אונז ניט בעווייזען דיא אונוויסענהייט פון אונזערע אור־אור־אלטע אבות, בעווייזען זיי אָבער אויך אין איינוועגס, און נאָך מיט מעהר מאכט און וויסענשאפטליכער זיכערהייט, דיא אונגעהייערע פינסטערניש, דיא אונגעהייערע פערבלענדונג, וועלכע אלע רעליגיאָנען וואורצלען איין און פערשפרייטען דורך דעם בעגריעף און דעם גלויבען פון א יענער וועלט.

אלע רעליגיאָנען האלטען זיך פעסט אין דעם דאָזיגען פוסטען גלויבען פון אמאָליגער אונוויסענהייט און שטעלען איהם ארויס פאר דעם אידעאל פון דעם ציעל, צו וועלכען אלע מענשען דארפען שטרעבען. נאָך מעהר, דיא רעליגיאָנס־פרעדיגער פון אלע צייטען האָבען, דוכט זיך, געפיהלט און געזעהען, אז דער מענש ליידעט זעהר פיעל דורך דעם, וואָס זיינע נאטירליכע בעדירפניסע צו לעבען שטימען ניט מיט דיא מעגליכקייטען דיא בעדירפניסע צו ערפיללען אויף דער וועלט — טאָ וואָס־זשע האָבען זיי געטהאָן? זיי האָבען געפרעדיגט, אז דאָס לעבען אויף דער וועלט איז גאָר ניט — דער עיקר איז יענע וועלט. דיא וועלט איז נור א פאָרשפיעל צו אן אייביגען לעבען אויף יענער וועלט, און דער וועג צו יענעם אייביגען לעבען איז בעשאָטען מיט דערנער און שטעכעלקעס וואָס פערדארבען דעם גייסט דאָ אויף דער וועלט, בכדי זיא, דיא נשמה, זאָל קענען קומען אהין — אין דעם גן־עדן פון אל־דאָס־גוטס א געלייטערטע, א ריינע.

עס פערשטעהט זיך, אז דערפאר האָבען זיך דיא רעליגיאָנען געמוזט אריינמישען אין אלע ווינקעלאך פון דעם מענשען'ס לעבען. דאָ האָבען זיי פארגעשריבען נאהרונג פאר דעם מענשען — דאָס מעג מען און דאָס טאָר מען ניט; דאָרט האָבען זיי זיך אריינגעמישט אין דיא פערהעלטניסע צווישען מאן און פרוי — אזוי און אזוי מעג מען לעבען, און אזוי און אזוי טאָר מען ניט; דאָס און דאָס מעג מען טאָן, יענעם און יענעם טאָר מען ניט. איבעראל האָבען דיא רעליגיאָנען געשמידט אין אייזערנע קייטען דעם מענשליכען קערפער און האָבען פערשקלאפט זיין גייסט.

אָבער דיא נאטירליכע פאָדערונגען פון דעם מענשען'ס לעבען האָבען ביסלעכווייז געריסען דיא קייטען פון רעליגיעזער פערשקלאפונג. אין אלץ וואָס איז נוגע דעם מענשען'ס לעבען, וואָס איז נוגע זיין וואהלזיין, האָט דער מענש, אין אלע צייטען און אונטער אלע פעלקער, איבערגעטראָטען דיא דינים און דיא פאָרשריפטען פון רעליגיעזע לעהרע. דיא רעליגיאָנען זיינען ניט געוועזען אימשטאנד צו פערריכטען און פערבעסערען זיין לעבען, אָבער אין גאנצען פערניכטען דאָס האָבען זיי אודאי ניט געקענט, האָט געמעגט דער חלום פון א יענע וועלט מיט א גן־עדן זיין נאָך פיעל מאָל שעהנער, ערהאבענער און צוציהענדער, וויא זיי האָבען איהם געפרופט צו מאכען.

אלע רעליגיאָנען — פון דיא ווילדע בעגריפען פון אונזערע אמאָליגע אבות, פון דיא שעהנע בילדער און מעשיות פון די פיעל־געטטעריי, פון דיא לעהרען פון קאָנפוציוס, בראהמא און בודדא ביז דיא הערשענדע רעליגיאָנען צווישען דיא ציוויליזירטע מענשען, וויא דער יודענטהום, קריסטענטהום און מאָהאמעדאניזמוס — אלע רעליגיאָנען זיינען ניט געוועזען אימשטאנד צו עררייכען זייער ציעל: צו פערבעסערען דאָס לעבען פון מענשען. און אויב זיי זיינען נאָך אזוי מעכטיג און פארשפרייט איבער דער גאנצער וועלט, איז עס נאָר דערפאר, ווייל זיי קענען נאָך פארבלענדען דיא אויגען פון דיא אונוויסענדע פאָלקס־מאסען און פון גלאט אזוי נאראָנים; קלוגע אָבער און וויסענדע מענשען, וואָס האָבען שוין געטרונקען פון

דעם קריסטאַלענעם קוואַל פון קענטניסע — דיא קען זיא מעהר ניט פערשקלאַפען, דיא קען זיא מעהר ניט פערבלענדען.

. . .

האָבען דיא פילאָזאָפישע סיסטעמען, דיא פּלפּולים און חקירות פון דעם מענשליכען פערשטאַנד מעהר אויפגעטאָן וויא דיא רעליגיאָנען צו פערבעסערען דיא אומשטענדען פון דעם מענשען'ס לעבען, צו שטילען דיא ליידען, וועלכע שפּראָצען ארוים פון דער ניט שיטמונג, פון דער דיסהאַרמאָניע צווישען דיא פאָדערונגען פון דעם מענשען'ס לעבען און דיא מעגליכקייטען זיי צו בעפרידיגען? דאָס איז דאָך אייגענטליך דיא הויפּט־אויפגאַבע פון אַלץ, וואָס דער מענש דענקט און טהוט, פון אַלץ צו וואָס ער שטרעבט און בעוועגט זיך. נו, אויף וויפיעל האָט דער מענשליכער געדאַנק—די פילאָזאָפיע געלינדערט דיזע ליידען און געבראַכט דיא מענשהייט נעהנטער צו דעם גרויסען אַלמענשליכען ציעל?

דער מענשליכער געדאַנק, פּונקט וויא דיא רעליגיעזע בעגריפען, האָט זיך אין אָנפאַנג אין גאַנצען פערנומען מיט חקירות און פּלפּולים איבער דער מענשליכער זעעלע. אין דער צייט, ווען דיא רעליגיאָנען האָבען אויסגעאַרבייט פאַר דעם מענשען א יענע וועלט, מיט א גן־עדן און א גיהנם, האָט דער מענשליכער געדאַנק אזוי וויא געשפּיעלט דיא צווייטע פידעל אין דעם אַלוועלטליכען קאָנצערט פון אונוויסענהייט. דער מענשליכער געדאַנק האָט זיך דאַמאָלס קונציג גע'חקירה'ט איבער דעם, וואָס איז דיא מענשליכע זעעלע, וואָס זיינען איהרע אייגענשאַפטען, איהר טהעטיגקייט און איהר דויער. דיא אַלטע פילאָזאָפען האָבען געענטפערט אויף דיא פראַגען מיט קעלבערנער התלהבות, אז דיא מענשליכע זעעלע איז א טהיילכעל פון דעם אלהים; אז איהרע אייגענשאַפטען זיינען געטליך און אז זיא געדויערט אייביג און אייביג (*). דיא מענשליכע זעעלע איז אונשטערבליך, האָבען געלערנט דיא פילאָזאָפען פון אַלטע צייטען, און ביז דער עפּאָכע, וועלכע איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען דיא רענעסאַנס, ווען דער מענשליכער פערשטאַנד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון א טויזענד־יעהריגען שלאָף, האָבען מענשען באמת געגלויבט אין דעם. אויב אָבער דיא מענשליכע נשמה איז אונשטערבליך, אויב זיא לעבט אייביג, האָבען זיי געלערנט, טאָ וואָס'ער א פּלאַץ קען מען פאַר איהר געפינען וואָס זאָל איהר אם בעסטען פּאַסען נאָך דעם טויט, וויא דיא „יענע וועלט" פון דיא רעליגיאָנען? און אין וואָס'ער בעסערען צושטאַנד קען זיא קומען אהין, אויף יענער וועלט, וויא אין דעם „געריינינגטען" און „געלייטערטען" צושטאַנד, צוליעב וועלכען דער מענש דאַרף אויף אָפּפערן אַלע בעדירפניסע פון זיין לעבען דאָ אויף דער וועלט?

פערשטעהט זיך, אז אויף אזא אופן האָבען דיא אַלטע פילאָזאָפישע סיסטעמען גאָר ניט געקענט העלפען דעם מענשען צו פערבעסערען זיין לעבען אויף דער וועלט. עס איז פּשוט געווען דער אַלטער רעליגיעזער פּזמון פילאָזאָפיש איבערגעניצעהועט.

נאָך דער רענעסאַנס, ווען דער מענשליכער פערשטאַנד האָט זיך א וואָרף געטאָן אין דעם שטראָם פון צווייפעל און אונגלויבען, האָט זיך בעדייטענד געענדערט אויך דיא פילאָזאָפיע. דער דונקעלער געגענשטאַנד, וואָס קיינער האָט ניט פערשטאַנען און האָט ניט געקענט ערקלערען — דער רוח אלהים — און מיט איהם דיא מענשליכע זעעלע, האָט אויפגעהערט צו זיין דער מיטעלפּונקט פון מענשליכע פאָרשונג און דענקען. ביסלעכווייז האָט זיך דער מענשליכער געדאַנק אויסגעגאָסען אין צוויי גרויסע שטראָמען פון פאָרשונג, וועלכע האָבען, יעדער אויף זיין אייגענעם שטייגער, שטודירט דיא נאַטור, דאָס לעבען און דעם מענשען אין אַלע זייערע פאָרמען און אנגעלעגענהייטען. דיזע צוויי שטראָמען זיינען דיא וויסענשאַפט און דיא מאָדערנע פילאָזאָפיע. ביידע האָבען געזוכט צו ערקלערען יענע אונגעהייערע ניט־שטימונג, יענע שוידערליכע דיסהאַרמאָניע אין דעם מענשען'ס לעבען, פון וועלכער מיר האָבען גערעדט אין פאָריגען ארטיקעל. ביידע האָבען געזוכט צו העלפען דעם מענשען, צו מינדערען זיינע ליידען, און אין דער מיינונג פון פּראָפּ. מעטשניקאָוו האָט דיא מאָדערנע [illegible]אָזאָפיע פּונקט אזוי געפעהלט אין איהר ציעל, [illegible] דיא פילאָזאָפישע סיסטעמען.

*) אַהער געהערט דער פילאָזאָפישער געדאַנק פון דיא אַלטע עגיפּטער און פון דיא אינדישע בראַהאַמינען וועגען זעעלען־וואַנדערונג (מעטעמפּסיכאָזיס).

צו וואָס אייגענטליך האָט זיך דיא מאָדערנע ניט־וויסענשאפטליכע פילאָזאָפיע (דיא מעטאפיזיק) ענטוויקעלט? איהר שטארקסטער אויסדרוק איז דער פעסימיזמוס. דיא מאָדערנע פילאָזאָפיע האָט פערשטאנען די אונגעהויערע ליידען פון דעם מענשען אין דער צייט פון זיין לעבען און האָט געזעהן, אז דיא ענדע איז סוף כל סוף דער טויט. גלויבען אין דער אונשטערבליכקייט פון דער זעעלע און אין יענע וועלט האָט זיא ניט געקענט דערפאר, ווייל אונצעהליגע וויסענשאפטליכע פאקטען בעווייזען, אז דיא גאנצע מעשה איז א פאנטאזיע. נאָר זיא האָט זיך דערשראָקען פאר׳ן טויט — שטארק דערשראָקען. ליידען, לעבען און ליידען און דאן שטארבען! האָס איז שרעקליך. נאָך מעהר וועלען לעבען, וועלען לעבען מיט דער גאנצער מענשליכער קראפט, וועלען געניסען, לעבען און געניסען, אָהן א׳ן עק, און פון דעסטוועגען ליידען, ליידען און ליידען! געניסען פערגניעגען נאָר א מאָמענט, א רגע און דאן וויעדער ליידען... קראנקהייטען, אלטקייט און טויט — דאָס איז שוידערהאפט! וויא קען דאָס געמאָלט זיין? און מיט דעם שטראהל פון דעם טרויעריגען שיין וואָס בעלייכטעט דיא דאָזיגע ערשיינונגען פון לעבען, הייבט זיך אויף אין דעם געדאנק פון דעם פעסימיסטישען פילאָזאָף דער שרעקליכער שטן פון דעם מעכטיגען פראגע־צייכען — צוליעב וואָס? נאָך וואָס? צוליעב וואָס דאָס גאנצע ליידען? נאָך וואָס דאָס גאנצע לעבען? צוליעב וואָס דער ווילען צו לעבען? אויף דיזע פראגען קען ער ניט ענטפערן, נאָר ער קומט צום שלוס, אז דער ציעל פון לעבען איז, אז עס זאָל אויפהערען.

נאטירליך, ניט דער איינצעלנער מענש דארף אויפהערען צו לעבען, ווייל וואָס וועט פון דעם ארויסקומען ווען אליין לעבט און פרובירט זיך? דער איינצעלנער מענש דארף דולדען, ליידען זיינע יסורים און שמערצען ביז ער שטארבט, אָבער אין יעדען מאָמענט פון זיין לעבען דארף ער שטרעבען מיט אלע מעגליכע מיטלען צו פערניכטען דעם שטרעבען צום לעבען.

אזוי לערנט דער מאָדערנער פעסימיזמוס. דאָס וואונדערבארסטע אין דער מאָדערנער פילאָזאָפיע איז דאָס, וואָס דיא גרויסע מורא פאר קראנקהייטען, עלטער און טויט האָבען אראָבגעפיהרט פון וועג מענשען, וועלכע האָבען ניט געקענט קומען צו א פעסימיסטישען שלוס וועגען דיזע וועלט, דאָס לעבען און דעם מענשען. אזעלכע האָבען זיך אומגעקעהרט צו א מין מיסטישען גלויבען, וויא דער גרויסער קינסטלער טאָלסטאָי האָט דאָס געטהאָן. אזוי וויא זיי האָבען ניט קלאָר פערשטאנען דעם וויסענשאפטליכען גייסט פון אונזער צייט און האָבען ניט געקענט זיך האלטען אָן דעם גאָר אלטען רעליגיעזען גלויבען, איז זייער יעצטיגער גלויבען נור א געמישעכץ פון ביידע, וואָס ערקלערט ניט און פערענטפערט ניט דיא ברענענדע פראגען וועגען דעם מענשענ׳ס ליידען פונקט אזוי וויא דיא אלטע רעליגיאָנען, דיא אלטע פילאָזאָפיע אָדער אפילו דיא ניי־צייטיגע פילאָזאָפיע.

עס שיינט, אז ניט דער רעליגיאָן און ניט דער פילאָזאָפיע, און אפילו ניט דער מיסטישער געמישעכץ פון ביידע איז באשערט צו מינדערן דיא ליידען און דיא שמערצען וואָס קומען ארויס פון דער נאטירליכער ניט־שטימונג פון אלע קרעפטען אין דער מענשליכער נאטור. ניט זיי איז באשערט צו פערקלענערען דיא פלאָגען פון דעם מענשליכען לעבען, איבערהויפט דיא וואָס קומען ארויס פון קראנקהייטען, אלטקייט און טויט. נאָך דער מיינונג פון מעטשניקאָוו קען דאָס נור טהאָן דיא וויסענשאפט, ווייל נור זיא אליין פארנעהמט זיך מיט דיא רעעלע ערשיינונגען פון דער נאטור און לעבען. זיא אליין ערקלערט דיא דאָזיגע ליידען גרינדליך און זוכט זיי צו העלפען, צו העלפען דעם מענשען ניט מיט קיין איבערנאטירליכע מיטלען און ניט געשטויגענע צוזאָגעכץ, נור מיט דיא מיטלען, וועלכע קענען העלפען און ברענגען נוצען נאָך פעסטגעשטעלטע פאקטען. דאָס פרופט מעטשניקאָוו צו בעווייזען.

* * *

וויא לאנג און וויא פיעל ליידעט דיא מענשהייט פון קראנקהייטען! אמאָל, ביי דיא אוראלטע מענשען האָט דער „געטליכער מענש", דער מעדיצין־מאן, געהיילט דיא וואונדען און קראנקהייטען פון דיא ליידענדע מיט קונצען, קרייטעכער און כישוף. שפעטער האָבען מענשען געזוכט צו העלפען זייערע קראנקהייטען מיט קרבנות אויף די מזבחות צו דיא געטער און פדיונות אין די קאסעס פון די כהנים, און נאָך שפעטער, ווען מענשען האָבען געגלויבט, אז קראנקהייטען זיינען דיא ארבייט פון שדים,

האָבען זיי געפּריוווט צו היילען זיך דורך נסים. און מענשען האָבען געליטען פון אַלערליי קראנקהייטען, געליטען אָהן א שיעור. דיא וויסענשאַפט האָט פערוואָרפען אַזעלכע הייל־מיטלען. די מאָדערנע וויסענשאַפטליכע מעדיצין לערענט יעדע קראנקהייט בעזונדער, שטודירט איהר געשיכטע און אורזאכען, דיא פערענדערונגען, וועלכע זיא מאַכט אין דעם מענשליכען קערפּער און גייסט, דיא סימפּטאָמען, דורך וועלכע מען קען זיא דערקענען, און דיא מיטלען, מיט וועלכע מען קען זיא היילען. אמת דיא וויסענשאַפטליכע מעדיצין מעג האָבען פילע אָפּפער אויף איהר געוויסען, מעגען נאָך הונדערטע קראנקהייטען זיין בעהאַלטען פון איהר שאַרפען אויג און מעגען מענשען נאָך ליידען אונגעהויערע שמערצען פון קראנקהייטען; אָבער דאָס וואָס דיא מאָדערנע מעדיצין און דיא מאָדערנע כירורגיע האָבען שוין אויפגעטהאָן צו לינדערען דיא שמערצען פון קראנקע, איז פּשוט צו בעוואונדערען. זיא קען א מאַסע קראנקהייטען פאָלשטענדיג קורירען און נאָך א גרעסערע מאַסע פאָלשטענדיג פערהיטען. איינינע עפּידעמישע קראנקהייטען, פון וועלכע דיא מענשהייט האָט אַמאָל געליטען און ליידעט נאָך יעצט אין אונוויסענדע לענדער, האָט זיא פון דיא ציוויליזירטע לענדער כמעט אין גאַנצען פערטריבען. מערסטענטהיילס אָפּעראַציאָנען, פון וועלכע מען האָט פריהער ניט געקענט אפילו קלערען, זיינען געוואָרן מעגליך זייט דער ענטדעקונג פון שלאָפגעטראַנק. דיא נייע מיטלען, וועלכע דיא וויסענשאַפטליכע מעדיצין ערווערבט צו קורירען קראנקהייטען, בעווייזען וואונדער איבער וואונדער. פאַר איהר עפענען זיך טאָג־טעגליך נייע פעלדער פון טהעטיגקייט, נייע פעלדער פון הילף פאַר דער מענשהייט, נייע האָפנונגען צו מאַכען ווענינגער און ווענינגער דיא ליידען פון דעם מענשען, צו מאַכען זיין לעבען בעסער און גליקליכער. ווער קען דאָס אַבלייקענען, אָדער ווער פערשטעהט דאָס ניט?

ווייא בלינד מען זאָל ניט זיין, ווייא פאַרקאָכט מען זאָל ניט זיין אין דעם גלויבען פון געטער, ווייא שטאַרק מען זאָל ניט ליעב האָבען צו חקרן׳ען זיך, מוז מען אָבער אָפענהערציג צוגעבען, אז ניט דיא רעליגיאָנען און ניט דיא פילאָזאָפיען האָבען גרינגער געמאַכט די שמערצען פון קראנקהייטען אין דעם מענשענס לעבען, נאָר אז דאָס האָט געטהאָן דיא וויסענשאַפט.

מיט ווענינגער גוטע רעזולטאַטען, אָבער מיט פולער האָפנונג גוטע רעזולטאַטען צו ערדרייכען, קען מען זאָגען, דאָס אייגענע וועגען דער עלטער. דיא עלטער! אונטער דיא בעסטע אומשטענדען שטעלט זיא באמת פאַר א טרויעריג בילד אויף דער עלטער ווערט דער מענש שוואַך. זיינע ביינער קענען זיך שנעלער צוברעכען, זיין קערפּער ווערט שוואַך, זיינע מוסקלען ווייך און קענען זיך ניט אַזוי גרינג בעוועגען וויא אין דער יוגענד. זיין הויט ווערט איינגעשרומפּפען, דיא האָאָר ווייס, דאָס בלוט דינער און דיא אָדערען, וואו דאָס בלוט פליסט, קענען שנעל דורכגעלעכערט ווערען פון דער קראַפט פון דעם בלוט־שטראָם. דיא אינערליכע אָרגאַנען פערענדערען זיך דורך דער פערענדערונג אָדער פערניכטונג פון זייער געוועב און הייבען אָן צו פעלשען אין דער ערפילונג פון זייער לעבענסטהעטיגקייט. אין אַזאַ צושטאַנד איז דער אַלטער מענש אונטערוואָרפען דער געפאַהר פון פערשידענע קראנקהייטען, וועלכע מאַכען דיא עלטער נאָך שרעקליכער און אונערטרעגליכער. אמת, פאַר דיא וואונדען און דיא וועהען פון דער עלטער דאַרפען זיך מענשען שרעקען. נאָר וואָס־זשע האָבען דיא רעליגיאָנען און פילאָזאָפיען אויפגעטאָן צו העלפען דער עלטער, צו מינדערן איהרע שמערצען און ליכטיגער מאַכען דעם פאַר־נאַכט פון דעם מענשען׳ס לעבען? גאָר ניט, כלל גאָר ניט! א מאָל האָבען מענשען געגלויבט, אז דיא עלטער איז א לאַסט פאַר אַלעמען און, אויס רחמנות אפנים, פלעגען דיא יונגע איינפאַך טויטען דיא אַלטע! שפּעטער האָט מען געגלויבט, אז דער בעסטער וועג וויא צו בעלעבען דיא עלטער איז צו דערוואַרעמען זיא מיט דער וואַרעמקייט פון דעם קערפּער פון יונגע מיידלעך. דיא סגולה האָט זיך געקענט פערגינען דוד המלך, אָבער באמת העלפען דער עלטער האָט אפילו זיא אויך ניט געקענט.

נור דיא וויסענשאַפט, דיא לעבענס־וויסענשאַפט, האָט געקענט עפּעס אויפטאָן צו העלפען דער עלטער. אָבער זיא האָט זיך אויך ביז דיא לעצטע איינינע יאָהר גאָר ניט אָבגעגעבען מיט דעם סטודיום פון דער עלטער. דערפאַר אָבער מאַכט זיא איצט שנעלע פאָרטשריטע, און עס איז צו האָפען אויף גלענצענדע

רעזולטאטען. מערקווירדיג איז דאָס, אז דיא עלטער אין אונזער לעבען — דאָס הייסט ד"א עלטער, וועלכע מענישען עררייכען אונטער דיא יעצטיגע אומשטענדען פון לעבען, איז ניט קיין נאָרמאלע, ניט קיין געזונדע, נור א קראנקהאפטע. און אזוי גיך וויא מיר וועלען קענען פערניכטען דיא אורזאכען, וועלכע מאכען דיא עלטער קראנקהאפט, וועלען מיר ניט נור פערלענגערן דאָס לעבען פון מענשען, זאָנדערן מיר וועלען נאָך מאכען דיא עלטער באמת אנגענעהם.

אלע ביז איצטיגע פאָרשונגען פיהרען צו פאָלגענדער ערקלערונג וועגען דיא קראנקהאפטע עלטער פון אונזער צייט. דיא פערענדערונגען פון דיא פארשיעדענע געוועבען אין דעם עלטערליכען קערפער היינגען אָב פון דעם, וואָס דיא נידעריגערע עלעמענטען אָדער צעלען פון דיא געוועבען פארצערען דיא העכערע עלעמענטען אָדער צעלען און ווערן דיא בעלי בתים אין דיא געוועבען פון דיא פערשידענע אָרגאנען. דאָס פאסירט דערפאר, ווייל דיא העכערע צעלען ווערען אָבגעשוואכט. זיי צו פערשטארקען איז דיא וויכטיגסטע פּראָבלעמע פון דער מאָדערנער לעבענס־וויסענשאפט, און אויף איהר ארבייטען פילע טיכטיגע געלערנטע מיננער. עס זיינען פאָרלויפיג בעקאנט דריי כאָרטען אורזאכען, וועלכע העלפען אָבצושוואכען דיא העכערע צעלען. זיי זיינען: אלקאָהאָל, ווענערישע בלוט־קראנקהייט און דיא מיקראָבען, וועלכע געפינען זיך אין דער נוצלאָזער גרויסער קישקע און וועלכע בעשאפען אין דעם קערפער פערשידענע גיפטען.

מעטשניקאָוו איז דער מיינונג, אז פון דיזע דריי אורזאכען וואָלט מען געקענט גרינג פטור ווערן. ער רעדט אָבער מעהרסטען טהיילס וויא אזוי מען קען פטור ווערען פון דיא מיקראָבען אין דער גרויסער קישקע. ער גלויבט, אז זיא טוט אָן פיעל, זעהר פיעל שאדען. דער וועג, וויא אזוי צו עררייכען דיזען ציעל, איז א גאַנץ לייכטער. מען דארף עסען גוט געקאָכטעס און סטעראליזירטע עסענס און מען דארף בענוצען וואָס מעהר אזעלכע שטאָפען — וויא למשל זויער־מילך, וועלכע ענטהאלט אזא מין עסיג, וואָס הייסט לאַקטיק־זויערע. דיא אנדערע צוויי אורזאכען קענען אויך לייכט אָבגעשאפט ווערען. אויף אזא אופן וואָלט מען געקענט מאכען דיא עלטער געזינטער און דאָס מענשליכע לעבען פיעל לענגער און אנגענעהמער. וועניגסטענס, דאָס איז דער ריכטיגער וועג, אויף וועלכען מען דארף געהן מיט דער האָפנונג צו העלפען דער מענשליכער עלטער.

פונקט אזוי בעטראכט דיא וויסענשאפט דיא פראגע וועגען טויט. יא, דער טויט איז דער סוף פון אלעס. דאָס איז א טהאטזאכע, וועלכע מען קען ניט איבערמאכען. גלויבען אנדערש און האָפען נאריש אויף א יענער וועלט, וואָס איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, הייסט זיך אָבנארען. איבערהויפט שטארבען מענשען און חיות ניט קיין נאטירליכען טויט. א מאָל שטארבען זיי דורך צופאל און א מאָל דורך קראנקהייטען, דעם טעם פון א נאטירליכען טויט האָבען מענשען, וויא עס שיינט, אין גאנצען פערלאָרען. עס זיינען אָבער פאראן אין דער נאטור פעללע פון נאטירליכען טויט, און יענע בעשעפענישען, וואָס שטארבען מיט אזא טויט, שיינען צו זיין צוגעגרייט צו איהם. אלע פאָרשונגען איבער דער פראגע דייטען אָן אויף דעם, אז ווען דער מענש זאָל לעבען א לאנגע און געזונטע עלטער, ווען ער זאָל אלט ווערען נאטירליך און דיא פיעלע יאָהרען פון לעבען. זאָל ער זיין ניצליך און טהעטיג; ווען, לאָמיר זאָגען, דער מענש זאָל לעבען 120-140 יאָהר, פול מיט טהעטיגקייט, פול מיט לעבען און ער וואָלט זיך נאטירליכער־הייד צוגענעהערט צו דער צייט פון טויט, וואָלט דער אינסטינקט פון וועלען לעבען זיך ביסלעכווייז אומגעביטען אין אַן אינסטינקט פון א פולער מאָס פון לעבען, און א נאטירליכער וואונש צו שטארבען וואָלט געפאָלגט דעם לאנגען און נוצליכען לעבען. דאן וואָלט דער מענש ניט מורא געהאט פאר'ן טויט און עס וואָלט זיך איהם ניט אויסגעוויזען אזוי שרעקליך צו שטארבען און פערלאָזען אזא שעהנע וועלט; ער וואָלט, וויא זאָגט מען עס, געווען זאט מיט'ן לעבען.

אָט דאָס איז אין דער מיינונג פון דעם גרויסען רוסישען נאטוראליסט דיא אייפגאבע פון דער וויסענשאפט וועגען דער נאטירליכער ניט־שטימונג, דיסהארמאָניע אין דעם לעבעדיגען מענשען: צו מינדערן דיא מענשליכע ליידען און שמערצען דורך דער פערניכטונג און היילונג פון קראנקהייטען, צו ענטוויקלען דורך וויסענשאפטליכע מיטלען א נאָרמאלע און געזונדע, לאנגע און נוצליכע עלטער, און ארויס־

בּרענגען אין דעם מענשען דעם נאַטירליכען אינסטינקט פון פולער זאטקייט מיט א לאנגען אין טהעטיגען לעבען און פאַלגליך אויף דעם נאַטירליכען אינסטינקט צו שטאַרבען א נאַר־מאַלען טויט.

ווער קען זיך שטעלען העכערע ציעלען און מעהר אויפטאָן זיי צו פערווירקליכען? ווער קען בריינגען גרעסערע נוצען דער מענשהייט אין איהר לעבען און שטערבען וויא דיא, וועלכע דיא וויסענשאַפט האָט איהר שוין געבראכט? און יער געלערנטער מעטשניקאָוו זעהט אין זיין אידעאַל דיא איינציגע מאָס פון אמת'ן פּראָגרעס אין דעם מענשליכען און געזעלשאַפטליכען לעבען. זיין זעעלע דערוואַרמט זיך פון דעם דאָזיגען שעהנען אידעאַל פון געזונטהייט, עלטער און צופרידענהייט, און מיט עכטער ליעבע פון א גרויסער זעעלע צו דער מענשהייט שיינט איהם צו שטראַהלען דיא זון פון יענער גאָלדענער צייט, ווען דיא מענשען וועלען לעבען א געזונטען און צופרידענעם לעבען. און ווייל דיא יוגענד וועט היטצען און ענטהוזיאסטיש בעשטרעבען דיא אידעאַלען פון דער צוקונפט, וועלען דיא געזונדע און צופרידענע אלטע רעגולירען דאָס געגענוואַרטיגע פּאָליטישע לעבען. דיא יונגע וועלען געבען דער געזעלשאפט דאָס פייער און אייפער פון זייער יוגענד — דיא אלטע וועלען געבען דיא חכמה און ערפאַהרונג פון זייער גאַנצען לעבען. און אלע מענשען וועלען לעבען גליקליך. אזוי שליסט פּראָפ. מעטשניקאָוו. מיר וועלען נאָך א מאָל זיך אומקעהרען און קריטיש בעטראַכטען דיא גרויסע ארבייט פון דעם געלערנטען נאַטור־פאָרשער.

# דיא קאַראַאימער

(אין פערבינדונג מיט דער געשיכטע פון סעקטען ביי אידען).

פון א. ליטווין.

IV.

## דיא קאַראַאימישע לעהרע און דינים.

דער הויפּט־פּונקט פון דער קאַראַאימער לעהרע איז געוועזען ניט אנצוערקענען דיא אויטאָריטעט פון תלמוד און צו בעגרינדען דעם גייסטיגען אידישען לעבען אויף'ן תנ"ך, הויפּטזעכליך אויף'ן חומש.

אין דער פּראַקטיק איז דאָס אָבער געוועזען ניט אזוי לייכט. אין חומש זיינען דאָ אזעלכע געזעצע און אָרדנונגען וואָס האָבען זיך געפּאַסט צום פאָלק'ס לעבען מיט טויזענד יאָהר צוריק, אָבער ניט יעצט. דער תלמוד האָט מיט פערשידענע איינפעלע א טהייל פון דיזע געזעצע און אָרדנונגען אָבגעשאַפט, א טהייל רעפאָרמירט. נייע דינים און נייע זיטען האָבען געשאַפען נייע בעדינגונגען אין דעם פאָלק'ס לעבען, און געגען דיזע צו קעמפפען איז געוועזען אונניצליך, ווייל זיי זיינען צו טיעף איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין לעבען. אזעלכע אָרדנונגען און זיטען האָט מען געמוזט לאָזען, האָטש זיי זיינען גאָר ניט געוועזען אין גייסט פון חומש.

דאַן זיינען דאָ א סך געזעצע אין חומש, וועלכע זיינען ניט דייטליך, וועלכע מען מוז ערקלערען. אנדערע האָבען איבערהויפּט קיין זינען ניט, ווען מען זאָל זיי אָננעהמען בוכשטעבליך. מען מוז זיי אויף אירגענד וועלכע ארט אויסטייטשען. ענן האָט אלזאָ א סך פון דיא דינים און מנהגים פון אידישען פאָלק געמוזט לאָזען אונבעריהרט. אנדערע, וואָס ער האָט געשאַפען לויט דעם חומש, האָט ער געמוזט ערקלערען כמעט אויף דעמזעלבען שטייגער, וויא דאָס האָבען געטהאָן דיא תלמודיסטען.

אויף דיזער ווייזע איז דיא קאַראַאימישע לעהרע געגרינדעט געוואָרען אויף דריי פּרינצי־

פען: 1) „כתב“, שריפט, דאָס הייסט: חומש, תנ"ך; 2) „היקש“—פערגלייכונג, דאָס הייסט ארויסנעהמען לאָגיש איין זאַך פון דער אנדערער דורך אירגענד וועלכע פערגלייכונג; 3) „מוסכם“ — טראַדיציאָן, דאָס הייסט: אזעלכע אָרדנונגען און זיטען, וואָס עקזיסטירען אין פאָלק'ס לעבען פון דור דורות און זיינען איבערגעגעבען געוואָרען דורך לעהרע און ערציהונג פון אור־אור־זיידעס צו אור־אור־אייניקלאַך.

מיר זעהען אלזאָ אז אין צוויי־דריטעל האָט דיא קאַראַאימישע לעהרע געמוזט אָננעהמען דעמזעלבען כאַראַקטער, וואָס דער תלמודישער יודענטהום האָט געהאַט. אום ער זאָל אָבער דאָך ניט זיין דאָס זעלבע, האָט מען זיך געמיהט פיעלע זאַכען בלויז אומקעהרען אויף דער אַנדערער זייט, איבערניצעווען, עס זאָל כלומרשט האָבען אַ'ן אויסזעהען פון עפּעס נייעס.

דיזע ענדערונגען האָבען אָבער אין אלגעמיין וועניג בעריהרט דעם פּראַקטישען לעבען. דיא הויפּט־ענדערונגען זיינען געמאַכט געוואָרען אין דיא דינים פון שבת, יום טוב, אין דיא פערהעלטניסע פון מאַן און ווייב און אין די הלכות כשר און טרפה. אין דיזע אַלע זאַכען זיינען דיא קאַראַאימישע דינים גראַדע פיעל שטרענגער וויא דיא תלמודישע. בעזאָנדערס דורך זייערע דינים פון שבת האָבען דיא קאַראַאימער אומגעוואַנדעלט אַ יום טוב, פון אַ טאָג פון פערגניגען, אין אַ טאָג פון ליידען און מאַרטערנים. שבת טאָרען דיא קאַראַאימער ניט ארויס פון הויז, ווען אין דער שטאָדט וואָהנען ניט־אידען; שבת טאָר מען ניט מל זיין אַ זוהן; מען טאָר ניט היילען אַ קראַנקען, אפילו ווען ער איז געפעהרליך; מען טאָר ניט אָנוואַרימען קיין שפּייז, וואָס איז זאָגאַר געקאָכט געוואָרען פאַר שבת. פרייטאַג ביי נאַכט טאָר מען ניט אָנצינדען אַ ליכט, אפילו דורך אַ גוי. אפילו ווען דאָס ליכט האָט מען אָנגעצונדען פרייטאַג ביי טאָג, טאָר עס שבת ניט ברענען. פרייטאָג ביינאַכט מוזען דיא קאַראַאימער זיצען אין דער פינסטער, ווייל עס שטעהט אין פּסוק: „לא תבערו אש בכל מושבותיכם“. (איהר זאָלט ניט אָנצינדען קיין פייער אין אלע אייערע וואָהנונגען). דיזע אַלע שווערינקייטען האָט ענן איינגעפיהרט דערפאַר, ווייל ער האָט אָנגענומען דיא פּסוקים אין זייער בוכשטעבליכען זינען. אין כשר און טרפה האָט ער אָנגעמאַכט חומרות גאָר אָהן אַ גרענעץ. ער האָט כמעט גאָר אין גאַנצען פערבאָטען עסען פלייש, אויסער פלייש פון הירשען. דיא קאַראַאימישע געזעצע וועגען שידוכים זיינען נאָך מעהר משונה'דיג. משדך זיין זיך איז פערבאָטען ניט נאָר צו דיא קרובים וואָס ווערען דערמאָהנט אין חומש, נאָר אפילו אויך צו דיא קינדער פון דעם ערשטען מאַן און דער ערשטער ווייב, דאָס הייסט: צו שטיף־שוועסטער מיט שטיף־ברידער. און ניט נאָר זיי אפילו זייערע קינדער און קינדס־קינדער ביז צום פערטען דור טאָרען זיך ניט מתחתן זיין. און ניט נאָר שטיף־קינדער פון מאַן און ווייב וואָס לעבען צווישען זיך, אפילו ווען זיי האָבען זיך גע'גט, אָדער זיינען צושטאָרבען— זיינען אויך זייערע קינדער פון דער פריהערדיגע הייראַטה איינע צו דיא אנדערע פערבאָטען. דערפון איז ארויס אזאַ פּלאָנטער, אז נאָך אַ צייט פון איינינע דורות איז כמעט ניט געבליבען אַ פּאָאַר קאַראַאימישע פאַמיליען, וואָס זיינען ניט געווען איינער מיט דעם אנדערן אין אזאַ סאָרט קרובה'שאַפט אָדער מחותן'שאַפט. דאַן איז מען געווען געצוואונגען אביסעל צו פערגרינגערען. צו אזעלכע פּלאָנטערס האָבען געפיהרט דיא קאַראַאימישע געזעצע, ווייל דיא געזעצגעבער זייערע האָבען ניט פערשטאַנען דעם גייסט פון פאָלק, ניט דיא אומשטענדען פון'ם לעבען. זיי האָבען דעם לעבען צוגעשניטען נאָך'ן פּסוק און ניט צוגעפּאַסט דעם פּסוק צום לעבען. דאָס קען מען זעהן בעזאָנדערס דייטליך דערפון, וואָס זיי האָבען אָבגעשאַפט אַלע תפילות, וועלכע האָבען געהאַט אַ פּאָעטישען זינען אָדער אַ היסטאָרישע בעדייטונג, און האָבען איינגעפיהרט אנדערע טרוקענע, שמאַקלאָזע תפילות און פּסוקים. זיי האָבען אויך אָבגעשאַפט דעם חנוכה־פייער — דיא טעג, וואָס ערינערען אָן דיא שעהנסטע מאָמענטען אין דער אידישער היסטאָריע.

מיר וואָלטען, פערשטעהט זיך, בעגאַנגען אַ'ן אונרעכט געגען דיא קאַראַאימען, ווען מיר וואָלען ניט אָנווייזען דיא איינינע גוטע זייטען פון זייערע פיהרונגען. דיא הויפּט־נוצען וואָס זיי האָבען געבראַכט זיך און דיא תלמודישע אידען בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי האָבען געהייסען שטודירען דעם פּשוט'ן זינען פון תנ"ך. דורך דעם האָבען זיי ענטוויקעלט דיא גראַמאַטיק פון דער העברעאישער שפּראַכע. אין דעם זיינען זיי אָבער שליעסליך אויך געבליבען הינטער דיא תלמודיסטען מיט צוויי

הונדערט יאָהר שפּעטער. אין דער שפּאַניש־אַראַבישער פּעריאָדע פון דער אידישער געשיכטע, ווען די עברעאישע פּאָעזיע האָט דערגרייכט צו אַזאַ גלענצענדער ענטוויקלונג, זיינען דאָס געווען די תלמודישע אידען, וואָס האָבען אַרויסגעבראַכט די גרעסטע דיכטער און דענקער פון יענער צייט, און ניט די קאַראַאימען. וויכטיגע סאָציאַלע רעפאָרמען האָבען זיי איינגעפיהרט דערמיט, וואָס זיי האָבען גלייך געשטעלט די זיהן מיט די טעכטער אין ירושה, און האָבען בעשלאָסען, אַז דער מאַן טאָר ניט ירש'ענען די פרוי. זיי האָבען אָבגעשאַפט לעגען תפילין צום דאַווענען. דיזע ערלייכטערונגען האָבען אָבער אַ גאַנץ קליינע בעדייטונג אין פערגלייך מיט די אונגעהויערע חומרות און גייסטיגע קייטען, וואָס זיי האָבען איינגעפיהרט אין די געזעצע פון שבת און יום טוב, פון כשר און טרפה, פון מתחתן זיין זיך א. ז. וו.

V.

## די האַלטונג פון קאַראַאימער צו אידען, קריסטען און מאַהאַמעדאַנער.

אויף להכעיס די תלמודיסטען האָבען די קאַראַאימער זיך גאַנץ אַנדערס פערהאַלטען צו די צוויי אַנדערע רעליגיאָנען. די תלמודישע אידען האָבען געקוקט אויף'ן קריסטענטהום און מאַהאַמעדאַנערטהום קרום, זאָגאַר פיינדליך. דיזע פיינדליכע האַלטונג האָט אָבער ניט אַזוי געשטאַמט פון פאַנאַטיזמוס און אינטאָלעראַנץ, וויא זיא איז געווען די פאָלגע פון די פיינדליכע בעהאַנדלונג, פון די אונטערדריקונג, וואָס אידען האָבען געליטען פון די קריסטליכע און מאַהאַמעדאַנישע פעלקער. די קאַראַאימער האָבען עפענטליך געמעלדעט, אַז זיי אַנערקענען קריסטוס און מאַהאַמעד אויף פאַר נביאים און דעם קאָראַן און דעם עוואַנגעליום פיר ביכער וואָס פּרעדיגען, אַזוי וויא תורת משה, הויכע רעליגיעזע אידעאַלען. דאָס איז אָבער געווען פיעל מעהר אַ דיפּלאָמאַטישע רעכנונג און חניפה, וויא אַ'ן אמת'ער, איבערצייגטער רעספּעקט צו פרעמדע מיינונגען, ווייל אין פּראַקטישען לעבען זיינען די קאַראַאימער געווען אַ סך וועניגער טאָלעראַנט צו די קריסטען און מאַהאַמעדאַנער, וויא די תלמודיסטען. זיי האָבען ניט געגעסען קיין שפּייז ווען אַ'ן „ערל" האָט זיך אָן דעם אָנגעריהרט. קריסטען האָט מען געהאַלטען פיר אונריין. מען האָט געווייכט פון זיי און קיין מאָל ניט אַרויפגעטראָטען אויף זייער שוועל. איבערהויפּט די אַלע דינים פון „טומאה" און „טהרה" וואָס ווערען דערמאָנט אין חומש, היטען אָב די קאַראַאימער ביז'ן היינטיגען טאָג.

די פערביסענקייט און האַסס צווישען די קאַראַאימער מיט די תלמודיסטען זיינען פערבליבען אויף דור דורות, הונדערטער יאָהרען נאָך דעם, וויא דער קאַמפּף צווישען זיי איז שוין איינגעשטילט געוואָרען. און אין דעם געגענזייטיגען האַסס זיינען די קאַראַאימער אימער געווען פאַנאַטישער און העסליכער, וויא די תלמודיסטען. זיי האָבען פערגעסען, אַז ווען זייערע רעליגיעזע מיינונגען זיינען אַנדערע, זיינען זיי דאָך מיט די תלמודיסטען ברידער פון איין פאָלק, פון איין שטאַם. אין די דונקעלע צייטען, ווען די תלמודישע אידען האָבען געליטען שרעקליכע פערפאָלגונגען און פייניגונגען פיר זייער גלויבען, פלעגען די קאַראַאימער אַרויסטרעטען און מעלדען עפענטליך, אַז זיי זיינען ניט דיזעלבע אידען, אַז זיי שעצען קריסטוס און זיינען פיינדליך צו די תלמודיסטען.

מיט אַזאַ גאַנג האָבען זיי אויסגעקליאַנטשעט ביי יעקאַטערינאַ דער צווייטער אין רוסלאַנד בירגערליכע רעכטע פיר זיך. איבערהויפּט איז נאָר דאָס געווען די אורזאַכע, פאַר וואָס די קאַראַאימען האָבען זיך אימער ערווייטערט פון זייערע תלמודישע פאָלקס־ברידער. זיי האָבען מורא געהאַט צו ליידען דורך די צרות און פערפאָלגונגען פון די תלמודישע אידען. קיין מיטלייד האָבען זיי געפיהלט צו די געהעצטע און פערפאָלגטע ברידער. נאָר איין געדאַנק האָבען זיי געהאַט: זיי אַליין זאָלען לעבען רוהיג, זיי זאָל מען ניט אָננעהמען על פי טעות פיר אידען!

VI.

## דער קורצער אויפלעבען פון דער קאַראַאימער סעקטע.

די ערשטע קאַראַאימער מיט זייער אָנפיהרער ענן אין דער שפּיצע האָבען געקראָגען די ערלויבניס פון קאַליף אַבוגאַפאַר אַלמאַנזאָר צו בעזעצען זיך אין ירושלים. דאָרטען האָבען זיי געגרינדעט אַ קליינע געמיינדע, געבויט פיר זיך אַ שוהל און האָבען געלעבט אויף זייער שטייגער, אַ צוריקגעצויגענעם, כמעט אַ מאָנאַכישען לעבען. אַ געוויסע צייט האָט געדויערט די צאַנקעריי צווישען די „ענניטען" און „רבני־

טען", א צאנקעריי וועלכע איז אייגענטליך מעהר געווען א קאמפף פאר'ן טיטול און אמט פון'ם „ראש גלותא", וויא א שטרייט פיר רעליגיעזע איבערצייגונגען. דערנאך האט דיא קליינע, צוריקגעצויגענע געמיינדע זיך צוזייעט און צושפרייט אין די ארומיגע שטעדט פון ארץ ישראל און אויך אין בבל און מצרים און איז זאגאר פערקראכען אין קרים. זייערע קליינע געמיינדען וואלטען איינגעשלאפען און פערגעסען געווארען מיט דער צייט, אזוי וויא דיא עלטערע אידישע סעקטען — דיא צאדוקעער און איסעער, אדער דיא שבתי־צבי'ניקעס און פראנקיסטען, וואס האבען הונדערטער יאהרען שפעטער אויך אנגעמאכט א רעש אויף א געוויסע צייט; נאר דיא שטארקע בעוועגונג און קאמפף וואס האבען זיך אנגעהויבען מיט א הונדערט יאהר שפעטער צווישען דיא פערשידענע מאהאמעדאנישע סעקטען, איבערהויפט צווישען דיא צוויי סעקטען — דיא „שייאיטען" און „סוניטען" האבען געהאט א גרויסען איינפלוס אויף דיא אידישע סעקטען, האבען זיי אויפגעמונטערט און אריינגעגעבען אין זיי אויף א געוויסע צייט נייעס לעבען און לוסט צום קאמפף. דיא שייאיטען זיינען געווען א סארט מאהאמעדאנישע קאראאימער, וועלכע האבען זיך געהאלטען פעסט אן דעם קאראן (דיא תורה פון מאהאמעדאנער), און ניט אנערקענט דיא ערקלעהרונגען, וואס דיא שפעטערדיגע מפרשים פון'ם קאראן האבען געמאכט. די סוניטען האבען אנערקענט דיא מאהאמעדאנישע טראדיציאנען.

דיא קאראאימען האבען דאן אויך אנגעהויבען צו וויזען שפורען פון לעבען, האבען ארויסגעגעבען פון זיך עטליכע געלעהרטע און אגיטאטארען. דיא מערקווירדיגערע פון דיזע זיינען: סאלמאן בן ירוחם, סאהאל און בעזאנדערס בנימין נאהאוואנדי. ביז יענער צייט האבען דיא רבנים זיך וועניג געקימערט וועגען זייערע געגנער. נאר צו יענער צייט איז ביי דיא תלמודישע אידען ערשיענען א פערזאן, וואס האט געשפיעלט א גרויסע ראללע אין דער גאנצער ווייטערדיגער אידישער קולטור און איז בכלל געווען איינער פון דיא גרעסטע גייסטער פון יענער צייט. דאס איז געווען דער בעריהמטער רבי סעדיה גאון*) ער האט אויפגענומען דעם קאמפף מיט דיא קאראאימער און דורך דעם קאמפף איז ענטשטאנען א שטארקע גייסטיגע בעוועגונג אין ביידע לאגערן, וואס איז געווען ניצליך פיר ביידע צדדים, וויל עס האט ביי דיא און ביי יענע געוועקט דיא שטרעבונג צו פארשען און דענקען. ביי א הונדערט יאהר האט געדויערט דער קאמפף. וועהרענד דאס האט אבער געבראכט צום פארטשריט דיא תלמודישע דענקער און עס איז ענטשטאנען א גאנצע רייהע פילאזאפען און דיכטער, וועלכע האבען געהאט א שטארקען איינפלוס ניט אויף אידען אליין, נאר אויך אויף דער גאנצער מענשליכער קולטור, זיינען דיא קאראאימער ביסלעכוויז אראב פון דער סצענע און זיך ווידער צוזאמענגעצויגען און איינגעשלאפען אין א שמאלער, פערטריקענטער, לעבלאזער סעקטע, וויא מיר זעהען איהר ביי היינטיגען טאג.

---

צום שלוס ווילען מיר דא ווידערהאלען אין קורצען דיא אורזאכע: פאר וואס די קאראאימער האבען ניט געהאט דעם ערפאלג, וויא אנדערע סעקטען ביי אנדערע נאציאנען; פאר וואס זיי האבען איבערהויפט ניט געהאט קיין פראגרעסיווע בעדייטונג וויא, צום ביישפיעל, דיא העלעניסטען*) אין דער צייט, ווען דיא אידען זיינען געווען אונטער דער מאכט פון גריכענלאנד, און נעהנטער צו אונזער צייט, דיא חסידים, וועלכע האבען דאך אריינגעטראגען אביסעל פרישקייט, לעבעדיגקייט און פאעזיע אין דעם ענגען צירקעל פון'ם פינסטערן גהעטטא.

אין דער צייט פון דיא העלעניסטען זיינען דיא אידען געווען אויף זייער באדען, וויא אלע אנדערע לעבעדיגע פעלקער. דער העלעניזמוס האט אריינגעטראגען אין דיא אידישען גייסטיגען לעבען א נייעם שטראם, א נייע וועלט פון אידעען, וועלכע זיינען געווען ניצליך זאלאנג זייער וועקסעל איז געגאנגען פריי, ניט געצוואונגען. דיא העלעניסטען און חסידים האבען ביידע ניט געמאכט קיין שפאלטונג ביי אידען, זיי האבען זיך פאקטיש ניט אבגעטהיילט פון'ם פאלק. אי דער העלעניזמוס, אי דער חסידיז־

---

*) דיא ביאגראפיע פון דיזען מערקווירדיגען גאון איז אנגעשריעבען געווארען אין זשארגאן פון פרין וויערניק און איז ארויסגעגעבען געווארען פון דער אינטערנאציאנאלער ליבערערי פאבלישינג קא.

*) אזוי האבען זיך גערופען דיא פריינדע פון דער גריכישער קולטור.

מיט האָבען געהאט זייערע אורזאכען אין דעם אינערליכען לעבען און אין דיא אינערליכע בעדינגונגען.ביידע האָבען אריינגעטראָגען גאנץ פערשיעדענע, אָבער דאָך נייע שטראָמען אין פאָלקס לעבען. דער קאראאימענטהום אָבער איז ניט געווען קיין געזונדע, נאטירליכע ערשיינונג. דאָס איז געווען לכתחילה א צאנקעריי פאר גבאות. דערצו איז ער לויט זיין כאראקטער געווען רעאקציאָנער: ער האָט זיך אומגעקעהרט צו דער אלטער קולטור, וועלכע איז שוין געווען אין פיעלע הינזיכטען אָבגעלעבט און האָט מעהר ניט געהאט קיין וואָרצלען אין דיא נייע בעדינגונגען פון'ם לעבען. מיר האָבען געזעהן, אז פיר דיא איינצעלנע גוטע זאכען, וואָס ער האָט איינגעפיהרט, האָט ער דערפאר איינגעשמיעדט דעם פאָלק'ס גייסט אין קייטען, וועלכע זיינען געווען פיעל שווערער און דריקענדער וויא דיא אלטע, געגען וועלכע ער האָט געקעמפפט.

אין דער צייט ווען דער קאראאימענטהום האָט זיך ענטוויקעלט, איז דיא עקאָנאָמישע לאגע פון אידען אין דיא מזרח־לענדער עפּעס בעסער געווען וויא פריהער. דערפאר אָבער איז זייער פאָליטישע און מאָראלישע לאגע געוואָרען פיעל שלימּער. אזא צושטאנד שאפט ניט קיין באָדען פיר פראָגרעסיווע רעפאָרמען. און דעריבער איז דיא קאראאימער־רעפאָרם, ווייל זיא האָט ניט געהאט קיין וואָרצלען אין לעבען, געווען א רעאקציאָן, א שריט צוריק.

איינע פון דיא הויפּט־אורזאכען אָבער וואָס זיינען נאָך ניט אָנגעגעבען געוואָרען, ליעגט אין דעם כאראקטער פון יודאאיזמוס, גענומען, פערשטעהט זיך, אין זיין ריינערער, ליכטיגערער פאָרם. דיא אידישע רעליגיאָן ווייס ניט פון „עיקרים", פון דאָס וואס אין אנדערע רעליגיאָנען הייסט „דאָגמען". אויף דער ערשטער פריהעסטער שטופע איז זיא כמעט א נאטור־רעליגיאָן, און א נאטור־רעליגיאָן בלייבט זיא אויך אין איהר העכסטער ענטוויקלונג. אין דער לעהרע פון ספינאָזא. איינינגע תלמידיכטען האָבען געוואָלט איינפיהרען ביי אידען „אני מאמין'ס", אָבער דאָס האָט זיך ניט צוגענומען.

דיא אידישע „אני מאמין'ס", כאָטש מי זאָגט זיי אין דאווגען, האָבען דאָך ניט דיא געזעצליכע הייליגקייט, וויא דיא „אני מאמין'ס" פון'ם קריסטענטהום. דיא אידישע רעליגיאָן פאָרדערט זאָגאר ניט, אז מען מוז גלויבען אין גאָט. וואָס זיא פאָרדערט, איז נאָר מען זאָל לערנען און פאָלגען דיא תורה וויפיעל דאָס בעלאנגט צום לעבען און דעם גליק פון'ם פאָלק. און ווייל דער עיקר איז דער לעבען און ניט דער גלויבען, דעריבער האָבען דיא גרויסע דענקער און קענער פון'ם פאָלק'ס גייסט אימער געקענט איינפיהרען אין פאָלק'ס לעבען רעפאָרמען, ניט ברעכענדיג מיט אמאָל זיין גאנצע וועלטאנשויאונג. רבי סעדיה גאון, דער רמב"ם, דער אבן עזרא, משה מענדעלסאָן האָבען צוזעטערט דיא אלטע אָבגעלעבטע אידעען און אריינגעבראכט פרישע שטראָמען אין דעם אידענס געדאנקען־וועלט פיעל מעהר, וויא דיא קאראאימען, און דאָך האָבען זיי צו קיין שפּאלטונג ניט געבראכט, ווייל זיי זיינען געווען גרויסע מענשען־קענער און האָבען פערשטאנען צו בויען אויף אזא ארט, אז קיין צורייסונג זאָל ניט פאסירען. דאָס אידישע פאָלק, פון זיין זייט, איז אימער געווען פעהיג אָנצונעהמען נייע פאָרמען פון לעבען און פון דענקען, ווען דיזע פאָרמען זיינען אין זיין לעבען אריינגעטראָגען געוואָרען ניט אומגעלומפּערט, נאָר געלאסען און נאטירליך, אָהן צוואנג, אָהן גייסטיגע שמערצען, און איבערהויפּט ווען דיזע נייע פאָרמען האָבען געשטימט מיט דיא ווירקליכע נייע בעדירפניסע פון לעבען און זיינען געפּערדיגט געוואָרען פון מענשען, וואָס האָבען פערשטאנען דיזע בעדירפניסע און דעם פאָלק'ס גייסט, און האָבען זייערע רעפאָרם צוגעפּאסט צום ווירקליכען לעבען.

# א מלחמה פאר קוילענשטאָף

פון דר. י. בלומשטיין.

דיא מלחמה, וועגען וועלכע איך וויל דאָ דערצעהלען, איז ניט א מלחמה מיט ביקסען און הארמאטען, מיט מינעס און טאָרפּעדאָס און וויא עס הייסען דאָרט דיא אלע אנדערע נייעסטע כלי־זיין, וועלכע דיא קלוגע מלחמה־פיהרער האָבען אויסגעקלערט. אום וואָס מעהר און וואָס שנעללער אויסצוהרג׳ענען זייערע אייגענע ברידער אין דעם „משוגעים־הויז פון דער וועלט“, וויא היינע רופט מיט רעכט אָן אונזער מוטער ערד. דיא מלחמה, מיט וועלכער איך וויל דאָ דיא לעזער פון דיא „צוקונפט“ בעקאנט מאכען, „דיא מלחמה פאר׳ן קוילענשטאָף“, שפּיעלט זיך אָפּ אָהן א טראָפּען בלוט פון דעם „שונא“ — וויא דיא רעדעלפיהרער פון דער איצטיגער געזעלשאפט רופען אָן דיא מיטמענשען, וועמעס בלוט זיי פערגיסען מיט פרעמדע הענד — אָהן רויך פון פּולווער און דינאמיט, אָהן קלאָגען און יללות פון אלמנות און יתומים, הגם דיא מלחמה איז א מורא׳דיגע און דיא צאָהל פון דעם חיל דערגרייכט ביז פילע מיליארדען.

דיא מלחמה פאר׳ן קוילענשטאָף איז א מלחמה בשלום; וויא יעדער מלחמה אין דער נאטור. איהר מלחמה־פעלד איז ניט דער אָדער יענער בעשטימטער אָרט, נור דיא גאנצע וועלט בכלל: דער ים וויא דיא יבשה, דיא אטמאָספערישע לופט וויא דער תהום, טיעף אונטערן וואסער. און ווער ווייס? אפשר גאָר ניט נור אין אונזער ערד־קוגעל אליין, נור אויך אויף אנדערע שוואַרצע שטערען (פּלאנעטען), וועלכע עס שוועבען זיך ארום אין הימעל אין דער הויך.... ווער ווייס?

איך האָב אָבער ניט בדעה צו מאכען מיט אייך, ליעבע לעזער, אזא סכנות׳דיגע נסיעה אי־בער גאָט׳ס קעניגרייך. דיא נאטורוויסענשאפט, הגם זיא איז בלי ספק דיא זיכערסטע און דיא רעעלסטע פון אללע אנדערע וויסענשאפטען, איז דאָך נאָך לעת עתה ניט אזוי ווייט געקומען, אום פעסט און רוהיג ארומצופליהען אויף איהרע פליגלען פון איין שטערען אויף דעם אנדערן, זאָללען זיך נאָך דאָרטען דערווייל רוהיג אויפהאלטען „דיא הייליגע גייסטער“: גאָט מיט זיינע מלאכים און שרפים, ביז די אונ׳רחמנות־דיגע נאטורוויסענשאפט וועט זיך אהין אויך אריינקלייבען, וויא אין יעדען פערבאָרגענעם ווינקעלע פון אונזער ערד־קוגעל, און פערטרייבען דיא פערצייטיגע „הייליגע“ אויך פון דאָרטען, וויא זיא האָט זיי פערטריבען פון אונזער זינדיגער ערד. ביז אָבער יענע גליקליכע צייט וועט קומען, וועלען מיר מיט אייך, ליעבער לעזער, דערווייל בעטראכטען דיא מלחמה אויף אונזער גוט־בעקאנטען מלחמה־פעלד, אויף דער ערד־קוגעל.

ווער זיינען אָבער דיא קעמפּפער? ווער מיט וועמען האלט מלחמה?

דיא בעלי מלחמות זיינען פון איין צד דיא מענשען,—אלע מענשען פון דער גאנצער וועלט, וויא דיא יאפּאנעזער אזוי דיא רוסען, וויא דיא אידען אזוי דיא קריסטען, מאחמעדאנער, בודיסטען, געצענדיענער א. ז. וו.; פון דעם אנדער צד זיינען דיא בהמות, חיות, עופות, פיש, ווערים און אללע אנדערע לעבידיגע ברואים, פון דעם גרעסטען עלעפאנט ביז דער קלענסטער חיה׳לע, וועלכע מען קען אָהן א מיקראָסקאָפּ זאָגאר ניט זעהען; פון דריטען צד זיינען דיא בוימער, זאנגען, בלומען, גראָזען, וויא דיא עפּפעל, אָראנזשען, פייגען, טייטלען און אללע אנדערע פירות און פפלאנצען, פון דיא העכסטע טענענבוימער ביז דעם קלענסטען קערענדעל, וועלכער עס שוועבט ארום אין דעם שטויב איבער דער ערד.

דיא דאָזיגע דריי מחנות חיל שטעהען איי־

נע געגען דיא אנדערע אויף דעם גרויסען קריעגפלאץ שוין מיליאָנען מיט יאָהרען; זיי קעמפּפען צווישען זיך אויף לעבען און אויף טויט, הגם, וויא געזאָגט, זיי פערגיסען קיין איינציגען טראָפּפען בלוט און געברויכען אין זייער שווערער מלחמה קיינע פייער־געוועהר. לאָמיר אָבער בעטראכטען פאר וואָס קעמפּפען זיי. וואָס קענען זיי צווישען זיך ניט צוטהיילען? ווילען זיי דען פערכאפּען איינער ביי דעם אנדערען א שטיק מדינה, אָדער א האנדעלס־פּאָרט?....

ניין! זיי קעמפּפען צווישען זיך פשוט פאר'ן שטיקעל ברויט, פאר דיא טאָג־טעגליכע שפּייז, וועלכע יעדער פון זיי ברויכט, פאר דעם עלעמענט קוילענשטאָף, מיט וועלכען זיי אללע ערנעהרען זיך. זיי געברויכען אָבער דעם קוילענשטאָף אלס שפּייז ניט אין דעם פאָרם פון איינפאכע קוילען, נור אין דער פאָרם פון דער אָדער יענער כעמישער פערבינדונג, וועלכע מען רופט וויסענשאפטליך מיט דעם נאָמען: „קוילענוואסערשטאָף“.

דיא מלחמה פאר'ן קוילענשטאָף איז א מלחמה פאר'ן לעבען צווישען דיא דריי גרעסטע און שטארקסטע קעניגרייכע פון אונזער וועלט: דיא קעניגרייך פון מענשען, דיא קעניגרייך פון טהירען און דיא קעניגרייך פון פפלאנצען. דיא בירגער פון דיא אויבענדערמאָנטע דריי קעניגרייכען געהערען אללע צו דער „לעבעדיגער נאטור“, ניט צו דעם „דומם“, וויא מען זאָגט אין העברעאיש, אָדער צו דער מינעראללען־וועלט, צו דער טויטער, אָדער, רריכטיגער געזאָגט, האלב־טויטער־קעניגרייך.

אלס לעבעדיגע ברואים מוזען אונזערע בירגער, פערשטעהט זיך, טאָג־טעגליך האָבען וואָס צו עסען, וואָס צו טרינקען און וואָס צו אָטהעמען. אָהן שפּייז, וואסער און לופט קאָן ניט נור קיין מענש און קיין טהיער, נור אויך קיין פפלאנצע לעבען. אלע פפלאנצען שפּייזען זייערע אָרגאניזמען פונקט וויא דיא לעבעדיגע ברואים, הגם דיא שפּייזען זיינען עטוואס אנדערע וויא דיא שפּייזען פון דיא טהיערע און מענשען און ווערען אויך אנדערס צוגעריכטעט אין דער פפלאנצע גופא, וויא מיר וועלען ווייטער זעהען.

און אָט איבער דיא שפּייזען שטרייטען דאָס אונזערע „געגנער“; ניט איבער דאָס וואסער און לופט, וועלכע דיא נאטור האָט לרוב, פון אייביג אָן פארטיג צוגעגרייט, אז עס קלעקט פאר אלעמען; זיי קעמפּפען פאר דיא עססענזאכען, וועלכע דיא נאטור האָט ליידער ניט צוגעגרייט אין פארטיגען צושטאנד, פיר וועלכע דיא נאטור האָט נור דאָס רויהע מאטעריאל, און וועלכע מען מוז נאָך איבערארבייטען אין דיא קונציגסטע לאבאָראטאָריען, אין דיא אינגעוויידען פון דיא פפלאנצען און צום טהייל אויך פון דיא טהיערע.

דאָס מאטעריאל, פון וועלכע אללע שפּייזען, פאר דיא פפלאנצען אזוי אויך פאר דיא טהיערע און מענשען, ווערען צוגעריכט, איז הויפּטזעכליך דיא אטמאָספערישע לופט. דער גרויסער לופט־מאנטעל, וועלכען אונזער מוטערערד טראָגט ארום זיך זינט זיא האָט זיך אָבגעריסען פון דיא הימלישע נעבעלן און געוואָרען פאר זיך א פלאנעטע.

דער דאָזיגער לופט־מאנטעל גיט אונז מענשען, וויא דיא טהיערע און פפלאנצען, ניט נאָר זויער־שטאָף צום אָטהעמען (דיא לופט איז א געמיש פון פערשידענע גאזען: ערך א פינפטעל פון דער לופט איז דער גאז זויערשטאָף, וואָס האלט אונטער דיא אטהמונג פון אלע ברואים), נור אויך, סוף כל סוף, אלע מאכלים צום עסען, כאָטש דיא וועלט זאָגט, אז מיט לופט קען מען ניט זיין זאט.

אמת, דער כעמישער פראָצעס, וויא אזוי פון דער פשוט'ער לופט, אין וועלכער מיר געפינען זיך שטענדיג און וועלכע מיר שעצען דעריבער כמעט גאָר ניט, ווערט מיט דער צייט דיא שעהנסטע און דיא בעסטע פרוכט, דיא טהייערסטע גלאָז וויין און נאָך אזוינע מאכלים, איז א גאנץ לאנגער און זעהר, זעהר א קונציגער; אבער, וויא געזאָגט, סוף כל סוף, ווערען אלע מיני מאכלים אויסגעארבייט נור פון דער לופט, וויא דער לעזער וועט זיך תיכף איבערצייגען.

אין דער לופט געפינט זיך פון אייביג אָן א גאז מיט דעם נאָמען קוילען־זוירע (א גאז וואָס בעשטעהט פון זויער־שטאָף און פון קוילענשטאָף) און אָט פון דעם דאָזיגען גאז ווערען דאָס אויסגעארבייט אלע שפּייזען.

דיא ארבייטער, וועלכע בעארבייטען טאָגטעגליך דעם דאָזיגען פשוט'ען מאטעריאל זיינען דיא פפלאנצען. דיא זונן ליפערט זיי דיא ענערגיע, דיא קראפט, מיט וועלכער זיי האָבען ביכולת צו שפּאלטען דעם צוזאמענגעזעצטען גאז אין דער וועלט. בעקומענדיג פון דער לופט דיא

קוילען־זויערע און צושפּאַלטענדיג זיא מיט דער הילף פון די זונען־שטראַהלען אין זויער־שטאָף און וואַסער־שטאָף, ארבייטעט יעדע פּפלאַנצע אין איהרע געהיימע און זעהר קונציגע לאַבאָראַ־טאָריען דעם דאָזיגען רויען מאַטעריאַל (קוילען־שטאָף) איבער אין מיליאָנען פערשידענע כעמי־שע פערבינדונגען: דער אויבענדערמאָנטער „קוילענוואַססער־שטאָף", אָרגאַנישע קערפּער, וואָס בעשטעהען הויפּטזעכליך פון דריי עלעמענ־טען: קוילענשטאָף (דער הויפּט־עלעמענט), וואַסער־שטאָף און זויער־שטאָף (דעם וואַסער־שטאָף און דעם זויער־שטאָף בעקומט די פּפלאַנצע הויפּטזעכליך פון וואַסער, וועלכע זיא ציהט אין זיך אריין דורך איהרע וואָרצלען פון דער ערד.)

מיט דעם דאָזיגען „קוילענוואַססערשטאָף", וואָס די פּפלאַנצען ארבייטען אליין אויס, שפּייזען זיי זיך אויך, ד. ה., פון דיזען שטאָף זיינען בעשאַפען זייערע אברים און דע־ריבער וואַקסען זיי אויך אויף דעם חשבון פון דעם ניי־אויסגעארבייטעטען קוילענוואַססער־שטאָף, פּונקט ווי דער מענש וואַקסט פון די שפּייזען, וועלכע ער בעקומט, אָדער האַלט אונ־טער זיין לעבען, בעת ער איז שוין אויסגעוואַק־סען.

עס איז א טעות, וואָס די כלומר'שט גע־בילדעטע זאָגען, אז די פּפלאַנצען זיינען דער היפּך פון די לעבעדיגע ברואים, אז די פּפלאַנצען שפּייזען זיך מיט מינעראַלען, ד. ה., מיט ניט־אָרגאַנישע קערפּער (וועגען דעם אונ־טערשיעד פון אָרגאַנישע און ניט־אָרגאַנישע קערפּער זעה מיין ארטיקעל „די צוקינפטיגע כעמיע", יאַנואַר העפט) און נור די מענשען און טהיערע ברויכען אָרגאַנישע קערפּער. אמת, די פּפלאַנצען בעקומען פון דער נאַטור די ניט־אָרגאַנישע קוילענזויערע, אָבער אום צו שפּייזען זיך מיט איהר, מוזען זיי איהר איבער־ארבייטען אין זייערע אינגעוויידען אין אָ ר ־ג אַ נ י ש ע, קוילענוואַססערשטאָפען. פון די זעלביגע קוילענוואַססערשטאָפען זיינען אָבער בעשאַפען ניט נור די גרינע גראָזען, בלע־טער און צווייגען, נור אויך די אברים פון די טהירען און מענשען, און ניט נור זייערע אברים, זאָנדערן אויך אללע זייערע שפּייזען און זאָגאַר דאָס רוב פון אונזערע געברויכס־מיטלען, ווי די הייזער, קליידער, זאָגאַר דאָס פּאַפּיער, אויף וועלכע איך שרייב דעם דאָזיגען ארטיקעל.

מיט איין וואָרט, דער קוילענשטאָף — דאָס איז דער פונדאַמענט פון דעם גאַנצען לעבען אויף דער וועלט.

און אָט דעם דאָזיגען „פונדאַמענט" האָבען פון אויביג אָן געלעגט נור די פּפלאַנצען; נור זיי, אין זייערע קונציגע לאַבאָראַטאָריען, האָ־בען אויסגעארבייט פון דעם רויען מאַטעריאַל קוילענזויערע, וועלכע די נאַטור גיט, אזוי צו זאָגען, אומזיסט, די גרויסע מענגע „קוילענ־וואַססערשטאָפען", ווי פאַר זיך אזוי אויך פאַר די טהירען און מענשען.

אללע פּפלאַנצען פון דער גאַנצער וועלט אר־בייטען אויס א יאָהר לערך צוועלף מיליארד טאָן אָרגאַנישע קערפּער. דאָס איז א רעכטע ביסעל; מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסען, אז אויף דעם חשבון פון די דאָזיגע צוועלף מיל־יארד טאָן לעבען ניט נור די „ארבייטער" גופא, ד. ה., ניט נור די פּפלאַנצען, נור אויך די טויזענדע מיליאַרדען לעבעדיגע ברואים און מענשען, וועלכע עס קענען ניט אין זייערע אָר־גאַניזמען אויסארבייטען פון דער קוילענזויערע די אָרגאַנישע קוילענוואַססערשטאָפען, אָהן וועלכע זיי קענען ניט אויסקומען.

און אָט די דאָזיגע לעבעדיגע ברואים זיי־נען זיך נאָך „שטאַרק פּרה ורבה" און רק אויף דעם חשבון פון די 12 מיליארד טאָן, וועלכע די „ארבייטער קלאַססע" שאַפט פאַר זיי... (1)

עס פערשטעהט זיך, אז דעריבער קומט פאָר אין דער נאַטור א שרעקליכע מלחמה, „א מלחמה פאַר קוילענשטאָף" — ווי שאַרל רישע

---

1) דער לעזער וועט געוויס פרעגען וואו נעמט מען זיך דאָס אָן אזוי פיעל „מאַטעריאַל", אזוי פיעל קוילענזוירע? נור דער תירוץ איז, אַז קוילענ־זוירע קומט כסדר צו אין דער נאַטור פיעללייכט נאָך מעהר איידער די פּפלאַנצען פערברויכען אין זייערע לאַבּאָראַטאָריען. ערשטענס, אָטהעמען די טהיערע און מענשען אויס זעהר פיעל קוילענזוירע טאָג ווי נאַכט (זיי אָטהעמען איין דעם זויער־שטאָף פון דער לופט. דער זויערשטאָף פערבינדט זיך אין די לונגען מיט דעם קוילען־שטאָף פון דעם בלוט, וועלכער ווערט אויסגעאָטהעמט אלס קוילענזוירע), צווייטענס, אָטהעמען די פּפלאַנצען גופא צום טהייל ווי די טהיערע און מענשען; דריטענס, שטראָמט פיעל קוילענזוירע

האָט איהר אָנגערופען — א מלחמה צווישען דיא גרעסטע קעניגרייכען פון אונזער וועלט, צווישען דיא פפלאנצען, טהירען און מענשען.

אָט דיא דאָזיגע „ניט בלוטיגע מלחמה“ פיהרט זיך שוין אויף דער וועלט פון מיליאָנען יאָהרען. און ווער ווייס, וואָס פאר א סוף פון איהר וואָלט ווערען נאָך אין מיליאָנען יאָהרען ארום, אויב דיא געגנער וואָלטען באמת געווען „שונאים“ איינע דיא אנדערע און כטארען זיך בייצוקומען איינער דעם צווייטען וויא דיא בעלי־מלחמה מיט מינעס און טאָרפּעדאָס.... ווער ווייס, אויב פון זיי אלעמען וואָלט מיט דער צייט ניט געוואָרען א תל אין דער אויביגער מלחמה פאר׳ן קוילענשטאָף, ווער ווייס?....

צום גליק אָבער זיינען אונזערע „קעמפּפער“ קיינע „שונאים“ איינע דיא אנדערע, זאָגאר דער „ניט ארבייטענדער קלאס“, דער אדעל, דער מענש, וואָס לעבט דערווייל מעהר ניט וויא אויף דעם חשבון פון דיא „פּראָלעטאריער“, פון דעם „ארבייטענדען קלאסס“, פון דיא פפלאנצען, און צום טהייל אויך אויף דעם חשבון פון „דיא קליינבירגער“, פון די טהיערע, זאָגאר דער אדעל איז ניט פעראינטערעסירט אין זיין דערוויילינער „עקספּלואטאציאָן“. אדרבא, דוקא ער, דער עקספּלואטירענדער קלאס, זוכט וועגען און מיטלען, וויא אויסצוקומען אָהן עקספּלואטאציע, אָהן דער אומזיסטער ארבייט פון דער נידעריגערער קלאססע, פון דיא פפלאנצען. ער זוכט מיט אלע זיינע מעגליכקייטען און פעהיגקייטען אללערליי וועגען און מיטלען וויא אליין צו ווערען איין ארבייטער, וויא אליין, מיט אייגענע קענטניס און אייגענער ארבייט, אנצוארבייטען דעם רויהען מאטעריאל קוילענזויערע, וואָס דיא נאטור גיט שטענדיג לרוב און אומזיסט, אין דיא נוציגע אָרגאנישע שטאָפען, אין „קוילענוואססערשטאָף“.

מיט דיזען „אומשטורץ פון דער איצטיגער אָרדנונג“ אין דער וועלט איז זיך דער מענש עוסק שוין באלד א יאָהרהונדערט, און נאָך א לאנגען, לאנגען וועג פון פאלשע שריט און בלאָנדזשענעס איז ער דאָך לסוף ארויף אויף דעם ריכטיגען וועג, אויף וועלכען ער געהט פאָרווערטס מיט ריזען־טריט.

עס איז נאָך ניטאָ קיין פוללע הונדערט יאָהר וויא דיא כעמיקער און פיזיקער האָבען זיך אליין ארויסגעגעבען אַן „ארמוט־צייגניסס“, א צייגניסס, אז זיי וועלען קיינמאל ניט קענען נאָכמאכען דיא פפלאנצען אין זייער ארבייט. עס איז נאָך ניטאָ קיין הונדערט יאָהר וויא דיא וועלט האָט געגלויבט, אז אין דעם דאָזיגען „קוילענוואַסערשטאָף“ שטעקט א „לעבענס־קראפט““, א מין נשמה, וואָס דער מענש וועט קיין מאָל און אויף קיין וועג ניט קענען נאָכמאכען, און דאָך האָבען מיר איצט שוין קינסטליך נאָכגעמאכט וויין, ביער, צוקער, פוטער, פעט, אייל און אין דער לעצטער צייט זאָגאר קאפפע און קאָקאָא (זעה וועגען דעם דערמאָנטען ארטיקעל „דיא צוקונפט פון דער כעמיע“). עס איז סך הכל גאָר ערשט ביי א האלבע מאה יאָהרען, וויא דער וועלט־בעריהמטער כעמיקער ליעביג האָט געשריעבען מיט א לשון פון נבואה פאָלגענדע ווערטער: „עס וועט זיין אזא צייט, אז דער וויכטיגער פארבשטאָף אליצארין, וועלכען מען בעקומט איצטער נור פון דיא פפלאנצען, וועט מען קענען מאכען קינסטליך פון שטיין־קוילען“. און אָט דיא צייט, וועלכע דער גרויסער כעמיקער האָט געזעהען נור אין זיין וויסענשאפטליכען חזיון — דיא צייט איז שוין געקומען. דער פארבשטאָף ווערט איצט געמאכט נור פון דעם שטיין־קוילען־טעער און ווערט איצט פערברויכט אין מיליאָנען פודען אין דער וועלט, אזוי פיעל, וויפיעל דיא וואָרצלען פון דער פפלאנצע קראפּ, פון וועלכע מען האָט עס פריהער בעקומען, וואָלטען גאָר ניט געקענט אויסארבייטען!

דאָס זעלבע האָט אויך פאסירט מיט דעם טייערען בלויען פארבשטאָף אינדיגאָ. דעם דאָזיגען פארבשטאָף האָבען אויך נור פערשיעדענע פפלאנצען געקענט אויסארבייטען; איצט מאכען איהם הויפּטזעכליך דייטשע פאבריקען. ווידער אלזאָ האָט דער מענש געלערנט דיא ארבייט פון דיא פפלאנצען: דעם רויען מאטעריאל פון דער נאטור צו בעארבייטען אליין.

מען קען זאָגאר זאָגען מיט זיכערהייט, אז מיט דער צייט וועט דער מענש אויסלערנען דיא גאנצע ארבייט פון דיא פפלאנצען, און בעת דער מענש וועט אליין ווערען איין ארבייטער

---

אויס פון פערשיעדענע וואולקאַנען און שפּאַלטען אין פערשידענע ערד־היהלען; פיערטענס, ליפערען זעהר פיעל קוילענזויערע דיא פאבריקען און לאָקאָמאָטיווען, וועלכע פערברענען גרויסע מענגען קוילען צו קוילענזויערע.

פאר זיך און ניט דארפען אָנקומען צו דיא פפלאנצען, דאן וועלען ווערען פון דיא איצטיגע בערג מיט קרייד — צוקער־בערג; פון דיא טייכען וואסער און קוילען־פלאסטען — קוואלען פון וויין און מילך, פלאסטען פון האָניג און פוטער; דער אונענדליך גרויסער־לופט־מאנטעל פון אונזער ערד וועט זיין איין אוצר פון אלערליי ניצליכע שפייזען און געברויכס־מיטעל. דיא פפלאנצען וועלען דאן ארבייטען אויף זיך אליין און דיא מלחמה פון קוילענשטאָף וועט זיך ענדיגען מיט א ריזיגען טריאומפף פאר אלע געגנער און קעמפפער צוזאמען.

דיא מלחמה בשלום וועט זיך אלזאָ ענדיגען מיט איין אלגעמיינעם שלום.

# דער מילכיגער בית המדרש און דער בלינדער מגיד.

## IV.

### ישראל'קע קאטוף, אָרע טשיכיקער און דיא פוטער־פלעצלאך.

און דער בית המדרש איז געווען געפּראָבט מיט מענשען, א קאָפּ אויף א קאָפּ. אויף טיש און בענק איז מען געשטאנען. פון דער אויבערשטער שיילקע, פון דער ווייבערשער שוהל, האָבען דיא פרויען, אנדערע אין צעפּצעס און אנדערע אין פּארוקען, מיט טיכלאך פון אויבען — ארויסגעשטעקט זייערע קעפּ דורך דיא אָפענע פענסטערלאך און האָבען ארונטערגעקוקט אין בית המדרש. דער טאָג איז געווען זעהר א שעהנע. דיא גרויסע, ברייטע פענסטער פון בית המדרש זיינען געווען אָפען און אין זיי האָבען אריינגעקוקט ביימער פון א היבשען סאָד, וועלכע האָבען זיך לייכט געוויגט מיט זייערע גרינע צווייגען און גע'סוד'עט, ווארפענדיג ארום זיך א דונקעלען שאטען....

דער מגיד איז נאָך ניט געקומען אין בית המדרש און דער עולם האָט דערווייל זיך געסטארעט צו פערכאפּען פּלעצער נעהנטער צום ביהמע.

פון דיא „פני“ פון מילכיגען בית המדרש איז דערווייל דאָ געווען איין ישראל'קע קאטוף. ער איז זיך געזעסען אויף זיין אָרט, אין מזרח, אָנגעשפּארט מיט'ן רוקען אָן וואנד, מיט א פערריסען קאָפּ, מיט פערגלאָצטע אויגען, מיט א האלב־אָפענעם מויל און האָט געדרעמילט... דער שטילער רוישען פון דיא ביימער אהינטער איהם אין סאָד, דער קיהלער ווינטעלע, וואָס האָט מחיה'דיג געבלאָזען דורך דיא אָפענע פענסטער אויף זיין שטארקען נאקען, דער שעפּצען פון דיא מענשען ארום איהם אין בית המדרש און דערצו נאָך דער אָנגעשטאָפּטער מאָגען מיט דעם שבת'דיגען טשאָלענט האָבען אויף איהם ארויפגעטריבען א פוילקייט און ער האָט שטארק געבענקט נאָך זיין בעט אין דער־היים.... אין הארצען האָט איהם איצטער פערדראָסען אויף דעם גאנצען עסק, פאר וואָס מע האָט בעשטעלט דעם מגיד... וואָס, ווען? א מגיד?... אויף וואָס? צו וואָס פיר א שווארץ־יאָהר?... צדיקים וועלען זיי ווערען נאָך זיין דרשה, וואָס?!.... ער וואָלט איצטער געקענט שלאָפען אין זיין בעט.... „בענארישט זיך“ — טראכט ער האלב דרעמלענדיג. און אין דער זעלבער צייט סטארעט ער זיך ניט אנשלאָפען צו ווערען שטארקער, ווארים עס איז ניט שעהן פאר'ן עולם. ער טהוט אָן אויף זיך א כוח, עפענט זיינע גרויסע אויסגעקאטשעטע אויגען, קוקט פאר זיך א ווילע, וויא אָן אָקס, דאן טהוט ער זיך א קראַץ אונטער דער שווארצער באָרד און גענעצט אויפ'ן קול. ער דערפיהלט אין מויל דעם טעם פון א פאסקודנער פעטקייט, וואָס בלייבט פון טשאָלענט עסען, מאכט ער מיט דיא ליפּען און גענעצט אָפּ אויף זיין גראָבער, באסאָווער שטימע. „עך, א גלעזעלע טהעע, אין דרערד מיט דעם מגיד!“ טראכט ער שוין מיט פערדרוס. ער וועט רופען זיין ווייב אהיים... ער וועט קומען שפּעטער צוריק נאָך'ן טהעע הערען דעם מגיד... דער גאנצער עסק

איז ווערטה א שפיי!.... איז זיין ווייב אין דער ווייבערשער שוהל?...

פויל הייבט ער זיך אויף אויף זיינע דיקע קורצע פיסלאך, פעררייסט דעם קאפ איבער דיא רוקענס, דיא פלייצעס און דיא קעפ פון דיא אנדערע, וואס שטעהען פאר איהם, און זוכט מיט זיינע אקסענע אויגען אין דיא פענסטערלאך פון דער ווייבערשער שוהל זיין אידענע. ער דערזעהט זיא. זיא האט אויך ארויסגעשטעקט איהר קאפ מיט'ן בלייכען צוקארטששטען פנים דורך א פענסטעריל און רעדט מיט א צווייטער פרוי, וואס האלט דעם קאפ ארויסגערוקט דורך דיא פענסטערל, וועלכע איז דיא צווייטע פון זיין פרוי'ס... זיינע אויגען בלייבען הענגען אויף דיא פרעמדע פרוי. זיא איז א געזונדע, יונגע ווייבעלע, מיט א פולען, רונדען, ווייסען פנים און מיט גרויסע שווארצע בלישצענדיגע אויגען. אויף'ן קאפ טראגט זיא א ווייסע זיידענע טיכעל, וואס איז פערלייגט הינטער איהרע אויערען, אין וועלכע עס בלישצען ברילאנטענע אויערינגלאך... ישראל'קע קאטוך קען דיא ווייבעלע, זיא איז זיין שכן מאטעלע כוואט'ס דיא צווייטע ווייב... מאטעלע איז עלטער פון איהם מיט א צעהן יאהר, איז אויך א הענדלער פון ניט כשר'ע פערד און איז זיינער א נאהענטער קרוב פון דעם טאטענס צד. מיט דער ווייבעלע איז כוואט פערהייראטהעט זייט א יאהר. נאך זיין ערשטער ווייב'ס טויט, האט ער זיא ארויסגעבראכט פון דינאבורג. מע זאגט, יאק בי, אז ער האט זיא פארצאפעט דארטען אין א פרעהליכע הייזעל, אבער א שעהנע ווייבעל איז זיא דאך, און דאס איז דער הויפט עיקר, וואס ישראל'קע קאטוך פערגינט איהם ניט.... ער קען ניט אפרייסען זיינע גרויסע אויסגעקאטשעטע אויגען פון איהר. „א ווייבעלע, א ריח אין איהר הארץ אריין — טראכט ער. — „א געראטענער קיילעטשעל. א ווייבינקע פרעפעצקע, פארוואס קומט איהם אזא? דערווארגען זאל ער ווערען!“... און דא ווארפט זיך איהם אין דיא אויגען דער בלייכער, צוקרימטער פנים פון זיין קראנקער אלטער פרוי, וואס בויגט זיך ארויס נעהנטער צו דער יונגער ווייבעלע, און ער פערקרימט דעם פנים. „קרענקט און קרענקט און דער שווארץ יאהר נעהמט זיא ניט, דיא אלטע פאדלע!“ טראכט ער מיט האס. מיט א פאר חדשים צוריק האט ער שוין געמיינט, אז זיא טראגט זיך אפ, דאן האט ער געטראכט, אז ער וועט חתונה האבען מיט ביילקען, זיין דינסט. אויך א מויד א צימעס... זיא וויל זיך אבער ניט אפטראגען, דיא נבלה... און ביילקע איז א מויד, אז א ריח זאל אריין אין איהר נשמה.... האט האלד אפילו צו טהאן א שטיף, אבער ניט מעהר!... און, טראכטענדיג אזוי פון ביילקען, פאלט איהם אין מיטען דערינען אריין א נייע מחשבה אין קאפ: ער וועט גאר געהן אליין אהיים און... טרינקען טהעע. דיא ווייב וועט זיין דא, דיא קינדער זיינען אוועק שפאצירען און ביילקע איז דארט אליין.... וועט זיא איהם דערלאנגען טהעע, וועט ער קענען מיט איהר דארטען א שטיף טאן און אפשר?...

ער וויל שוין זיך לאזען געהן אהיים, ערשט אין דער זעלבער צייט בעווייזט זיך, מעשה שטן, צווישען עולם דיא לאנגע געשטאלט פון ארע טשיביקער, וועלכער ארבייט מיט ביידע לאנגע הענד און שלאגט זיך דורך א וועג צו מזרח. ארע איז יעצט שיכור'לאך און, דורכשלאגענדיג זיך א וועג, לויפט ער צו צו ישראל'קע קאטוך און כאפט איהם אן פאר'ן לאטץ און שרייט אויס: — ער געהט.... מע פיהרט איהם... שלמה בוטץ און זיין איידים בענצע פכע און דער שמש..... האלט זיך וויא מענשען — טהוט ער זיך פלוצים א קעהר צום עולם ארום איהם מיט א געשריי און שטעלט אויס א פאר שטעכעדיגע אויגלאך: — איך בין דא!...

און ער זעצט זיך אויף זיין ארט, מיטשלעפענדיג מיט זיך ישראלקען פאר'ן לאטץ...

ישראל'קע קאטוך בעפרייט רוהיג דיא לאטץ פון זיינע הענד און מאכט איהם א בעמערקונג מיט א וואזשנער מינע, אז עס איז ניט שעהן צו כאפען פאר א לאטץ, אז היינט זיינען דא פרעמדע מענשען פון אנדערע בתי מדרשים און מע מוז זיך האלטען לייטיש.

— איך לאך פון זייער אלעמענס היטעלע — ענטפערט ארע — איך בין דא בעל הבית. אז איך וויל קען איך זיי אלעמען שיקען אין לך לך, ארעמען, ביז איין יאט!... זארען זיי נור זאגען איין ווארט, אהא, איך בין ארע, ארע בין איך, און טהו מיר עפעס!....

— שריי ניט אזוי — ברעכט איהם אונטער ישראל'קע און טראכט וועגען ביילקען — ווייסטו וואס? איך שעהם זיך לעבען דיר צו זיצען, איך וועל גאר געהן אהיים!...

און ער שטעהט אויף פון ארט.

אבער ארע כאפט איהם אן פאר'ן ארעם.

— זיטיז — שרייט ער און שלעפּט איהם צו זיך — זיטיז, וואָס? דו שעהמסט זיך? נישקשה, מע קען דיך; מע וויים, אז דו ביזט ישראל׳קע קאטוף, אן אלטער פערד־גנב, א ריה אין דיין הארצען!...

און ער האלט איהם בשעת מעשה פאר׳ן ארעם און לאָזט איהם ניט איין.

ישראל׳קע ווערט צומישט, קוקט זיך אום, אויב אימיצער האָט דאָס ניט געהערט. דאן שטעלט ער אָן אויף אָרען א פּאָר בייזע אויגען און שיפּעט ארויס צווישען דיא ציינער: — טיורעמניק דו, צו וועמען רעדסטו דאָס אזוי? ווילסטו זיך געזעגענען מיט דיין לעבען, הא? לאָז איין מיין ארבעל!...

אָרע לאָזט איהם איין, צולאכט זיך שיכור, שפּארט זיך אָן מיט ביידע הענד אָן זיינע לאנגע דארע קניע, זיצט אויף׳ן אָרט און וויגט זיך מיט זיין גאנצען לאנגען קערפּער הין און צוריק און לאכט.

— אוי, פערשטעהט ניט קיין שפּאס, א רוח אין זיין הארצען אריין — רעדט ער און לאכט — און מע האלט איהם נאָך פאר א חכם, אזא פערד!... ישראל׳קע טאטינקע, א ריח אין דיין באטינקע — טהוט ער פּלוצים איהם א כאפּ פאר׳ן ארעם — ביזט טאקע ברוגז?... כא, כא, כא!...

ישראל׳קע וויל איהם עפּעס ענטפערן, נור דאָ קומען צו זיי אונבעקאנטע אידען, צוגעצויגען פון אָרעס געלעכטער, און קוקען אויף זיי מיט נייגעריגקייט. ישראל׳קע קאטוף קעהרט זיך אום צו זיי מיט׳ן רוקען, שטעלט זיך אוועק מיט׳ן פּנים צום אָפּענעם פענסטער, גלעט זיך וואזשנע דיא באָרד און הויבט אָן צו זאָגען אויף׳ן קול, אז דיא אידען זאָלען הערען, מיט א ניגון תהילים... און אָרע, אז ער דערזעהט זיי, הערט ער אויף צו לאכען, קוקט זיי אָן מיט זיינע שטעכעדיגע אויגען, מאכט צו זיי מיט זיינע לאנגע הענד און שרייט: — „וואָס דרעהט איהר זיך דאָ ארום? וואָס מיינט איהר, אז איהר זייט ביי יאטעס אין שוהל?... בא אונז זאָגט מען תהילים, אָדער מע שטעהט אויף אן אָרט, א ריח אין אייער הארצען אריין!“....

און דערביי קוקט ער אָן דיא אידען־יאטעס מיט אזוינע אויגען, אז זיי קאָרטשען זיך צונויף פון שרעק און זיי מאכען טאקי ניט קיין לאנגע שהיות און הייבען זיך אָן גלייך צו רוקען ווייטער פון איהם הינטערוויילעכץ, ניט אראָפּגעלאָזען פון איהם דיא צושראָקענע אויגען, ביז זיי שטויסען זיך אָן מיט זייערע רוקענס אָן א קופּקע יונגע לייט, קענטיג ריבטיגע בעלי בתים פון מילכיגען בית המדרש, וואוילע יונגען, מיט דיא היטעלאך אויף א זייט, מיט דיא רעקלאך אוף דיא פּלייצעס און אין לאנגע כאָליוועס. דיא חברה־לייט האָבען בעמערקט אלעס, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען זייער מורה דרך און דיא „יאטעס“, און אז דיא לעצטע האָבען זיך אָנגעשטויסען אָן זיי הינטערוויילעכץ, האָבען זיי גענומען קלאַפּען פון אלע זייטען דיא יאטעס אין דיא היטלען... דיא אידען ווערען צומישט, קוקען זיך אום אין מעריב, פליהט א פּאטש פון מזרח־זייט, קוקען זיך אום אין מזרח פליהט א כמאליע איבערן היטעל פון דרום און פון צפון זייט... זיי כאפּען זיך אָן פיר דיא היטלען און נעהמען זיך רוקען צוריק, צוריק, אין אנאנדער מארשרוט, אויף אנאנדער וועג, פּאזע וואנד, נור דאָרטען כאפּען זייערע היטלען טאקי ערשט דיא ריכטיגע כמאילעס!... וואָס זאָלען זיי טאָן? אויסטאָן דיא היטלען?... טאָר מען דאָך ניט, ראשית, אין א מקום קדוש, און שנית, שטעלען זיי דאָך גלאט איין דע־מאָלט זייערע קעפּ אין סכנות נפשות — א היטעל איז דאָך פּאָרט א שטיקעל פּאנציר פיר א קאָפּ!... אָבער א איד געפינט זיך שוין אויס א מיטעל אין אן עת צרה: זיי פערקאטשען דיא פּאָלעס פון זייערע קאפּאָטעס איבער׳ן קאָפּ און נעהמען זיך ראפּטאָם שטופּען צום טיר, צום ארויסגאנג. כאָטש לעבעדיגע ארויסראטעווען זיך פון דאנען!... ערשט, אז זיי פערקאטשען דיא קאפּאָטעס איבער׳ן קאָפּ, הייבט זיך ארום זיי אויף א שטורמדיגער געלעכטער און חברה נעהמט זיך ערשט איצטער צו דער ריכטיגער ארבייט: מע פערקאשערט דיא ארבעל און מע כמאליעט דיא אידען איבער דיא תחתונים, מיט „פּוטערפּלעצלאך“, הייסט עס, איז חברה מכבד דיא יאטעס.... דיא אידען קוקען זיך ניט אום, נעהמען צו געדולדיג דיא פרישע, שווערע „פּוטערפּלעצלאך“ און אָט, א דאנק דעם אויבערשטען, זיינען זיי שוין ביים טיר, זיי ווילען שוין ארויסלויפען, ערשט געטצעלע קראָליק לויפט זיי אָן אנטקעגען פון גאס מיט א געשריי: „שא, ער קומט, מאכט א וועג!“... און זיי בלייבען שטעהן ביים טיר, ווארפען ארונטער דיא פּאָלעס פון דיא קעפּ און דריקען זיך אין וואנד.

## V.

## דער בלינדער מגיד און דיא מהומה ביי דיא מילכיגע.

דער בלינדער מגיד קומט אריין, געפיהרט פון שלמה בוטיז און זיין איידים בענצע פכע. איבער'ן בית מדרש לויפט איבער א געמורמעל, וועלכער ווערט איבערגעהאקט אין מזרח פון א פאטשעריי מיט א האנד אין עמוד און פון ארע טשיביקער'ס קול: „שא, יאטעס!“ און עס ווערט שטיל וויא אויף א בית עולם... דער מגיד איז א הויכער ברייטער איד, מיט א ברייטער לאנגער ווייסער באָרד, וויא שנעע, וואָס גרייכט ביי איהם ביז'ן ברייטען, שווארצען, זיידענעם גארטעל פון זיין לאנגער אטלאסענער קאפאָטע. ער געהט אין שיך מיט ווייסע זאָקען און, טרע־טענדיג, האלט ער דעם קאָפּ מיט'ן שטריימיל אין דער הויך און דיא בלינדע, פערגליווערטע, רויטע אויגען זיינען געריכטעט אין איין פונקט אין דער לופטען, העט איבער דיא קעפּ פון דעם עולם. שלמה בוטיז, א'ן אָפּגעגאָסענער מיט שוויים, מיט א'ן ערנסטען פנים ראמט אָפּ א וועג פיר איהם צום ביהמע, בענצע פכע לויפט אין פּאָראוים מיט א'ן אויסגעצויגענעם האלז, שציפּלעט דיא שיטערע בערדעל מיט דיא דארע לאנגע פינגער און קוקט אוים שטארק פער־האוועט... דער עולם טרעט אָפּ מיט דרך ארץ פיר דעם בלינדען אלטען מגיד, מאנכע ציהען איינער דעם אנדער'ן פאר דעם ארבעל, שמאָק־צען מיט דיא ליפּען, וואונדערן זיך וויא ער זעהט אוים... און אז דער מגיד איז ארויף אויף דער ביהמע, ווערט דאָרט ארום דער גע־דרענג שטארקער, מע פעררייסט די קעפּ איינער איבער'ן אנדער'ן און מע ציהט אוים דיא העל־זער. דיא ניעדריגע ציהען זיך אוים אויף דיא שפּיץ פינגער און דיא הויכע פיהלען זיך ניט הויך גענוג.... ישראל'קע קאטוף און אָרע טשי־ביקער שטעלען זיך אויך אוועק אויף זייערע ערטער אין מזרח, פערשטעלען מיט זייערע רוקענס דיא ליכט פון פענסטער און קוקען אויף'ן ביהמע, וואו דער אלטער מגיד זיצט שוין דאָרט אויף א שטוהל, רוהט זיך אָפּ, דעם קאָפּ ארונטערגעלאָזען אויף'ן ברוסט, וועלכע איז בעדעקט מיט דער ברייטער שנעע־ווייסער באָרד, און דרעמילט, דאכט זיך... חוץ איהם זיצען אויף דער ביהמע שלמה בוטיז און זיין איידים, ביידע מיט זעהר פרומע, ערנסטע פנימ'ער און ביידע פערשוויצטע. און דער שמש געצעלע קראַליק שטעהט אויף דאָרט ביי א זייט, קוקט אויף'ן עולם מיט זיין איינציגען אויג, קראצט זיך אונטער'ן פּאכווע פון זיין וואטאָוועון קאפּטען, ווייזט דאן לאחר יד אויף'ן מגיד, בייגט זיך ארונטער פון ביהמע און שעפּ־צעט ארוים מיט התפעלות: „א טהייערע כלי, מע צוגיסט זיך פון איהם, וויא א ביבער“....

אין בית מדרש איז אצינד האלב דונקעל, וויא א כמארע וואָלט זיך פערצויגען איבער דעם עולם'ס קעפּ, ווייל דיא שיין פון דעם שעהנעם זומערדיגען טאָג איז דאָרט פערשטעלט פון גע־דיכטע שווארצע קופּעס מענשען, וואָס שטעהען אין דער הויך אויף דיא טישען און בענק הארט ארום דיא פענסטער און זאָגאר אינווייניג אין דיא פענסטער... עס ווערט הייס אין בית מדרש, וויא אין א באָד. דער עולם שוויצט, ווישט זיך דעם שוויים אויף פערשידענע אופנים: מיט'ן ארבעל, מיט דיא פּאָלעס פון דיא קאפּאָטעס און מאנכע פשוט מיט דיא אלע פינף פינגער פון דער הוילער האנד. מי הוסט זיך אָפּ, מע ניסט און מע מארטערט זיך אָפּצוציהען דעם אָטהעם אין דער ארומיגער געפּרעסטער, וואָרי־מער לופט...

דער מגיד הויבט זיך אויף פון אָרט, שלמה און זיין איידעם לויפען צו צו איהם... „א טלית“ — זאָגט ער שטיל און האלט דעם קאָפּ מיט דיא בלינדע אויגען פעררי‍סען אין דער הויך. דאָס דערהערט הינטער זיי געצעלע קראַליק און ער שפּרינגט צו פלינק, וויא א קאטיז, צום טישעל אויף דער ביהמע, שלעפּט פון דאָרט ארוים א נייעם טלית און לייגט איהם אוועק אויף'ן טיש מיט דיא ווערטער: „רבי, אָט דאָ האָט איהר א טלית, נאָך כמעט גאָר ניט געניצט“... דער אלטער מגיד טהוט א קעהר דעם קאָפּ מיט דיא בלינדע אויגען צו געטצעלען און אויף זיין מאָגערען, צוקנייטשטען פנים, וואָס קוקט אוים וויא צוקאָרטשעטער פּארמעט, בעווייזט זיך א שמייכעל, וואָס פערשווינדט באלד צווישען דיא שיטערע ווייסע וואָנצעס פון זיין לאנגער ווייסער באָרד... ער טהוט א שאָקעל מיט'ן קאָפּ, קרעכצט: „אוי, אוי, נו, מילא!“ און ציהט אוים דיא האנד. שלמה און בענצע פיהרען איהם צו צום טיש. ער טאפּט אָן דעם טלית, טהוט איהם אָן, טהוט אוים דיא שטריימעל, בלייבט שטעהן אין א יארמולקע. א ווילע שטעהט ער אזוי מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ און קוקט מיט זיינע בלינדע אויגען ארויף אין איין פונקט, אקוראט וויא ער זאָל זיך צוהערען צו

דעם איינגעהאלטענעם אָטהעם פון דיא הונדערטע און הונדערטע מענשען, וואָס זיינען געקומען הערען זיין הייליגען וואָרט... דיא, וואָס זעהן זיין פנים, קענען ניט פערשטיקען אין! זיך א געהיימע אונרוהיגקייט, א מורא... וויא א מת קוקט ער אוים מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ, מיט דיא בלינדע אויגען, מיט דעם פנים פון פּארמעט און מיט דער ווייסער באָרד, — וויא א מת, וואָס איז געקומען פון יענער וועלט... שלמה און בענצע זעצען זיך אוועק גענען איהם, קוקען איהם אין פּראָפיל און גרייטען זיך צו איהם הערען. געטצעלע שטעהט דאָ אויך ביי א זייט און אום ארויסצוציינען, וואָס דער עולם האָט צו ערווארטען פון דעם מגיד, ווישט ער שוין דיא אויגען מיט דער פּאָלע פון זיין וואטאָוועז קאפּטען, פערקרימט דעם פּנים מיט א וויינענדיגע מיענע, שוויצט שטארק, שאָקעלט צום עולם מיט'ן קאָפּ און זיפצט... זיין זיפצען ווערט אונטערגעכאפּט פון הינטער'ן ביהמע פון א פּאָאר אידען — יאטעס, וואָס ענטפּערען אָפּ מיט א פערשטיקטען אָכצען, און אויף דיזען אָכצען רופט זיך אָפּ א'ן איינגעהאלטענער קרעכצען פון אלע זייטען... דער שיכור'ער אָרע טשיכיקער שטעהט אויך אויף זיין אָרט, דרעהט מיט זיין לאנגע האלז, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און אָכצעט. דאָס קען ניט פערטראָגען ישראל'קע קאטוף נעבען איהם, וואָס שוויצט זעהר שטארק און וואָס מעהר ער שוויצט, איז ער אלץ מעהר אונצופרידען פון דעם „פּאָדריאד“ מיט'ן מגיד: — שאָקעל זיך ניט, אָרע, אָכצע ניט... עס איז אזוי אויך דאָ א'ן אמת'ער גהינם...— ישעפּצעט ער, ווישט זיך מיט א טיכעל דעם נאקען און טראכט בעת דעם ווי גוט ער וואָלט איצטער געקענט דאָרט פערברייננען נעבען ביילקען...

— א גהינם, הא? — ענטפּערט איהם אָב אָרע און שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ — היינט מאָל זיך אוים, וויא איז טאקי דאָרט אין דעם אמת'ן גהינם? אוי וועט מען, ברודערקע, אונז האקען דאָרטען... אזוי פיעל האָבען מיר גע'גנב'עט! סמאליען וועט מען אונז, בראָטען, אין פּעסער פּעך וועלען מיר זיך פּרעגלען... יע!...

ישראל'קע קוקט איהם אָן בייז מיט זיינע גרויסע, אויכגעקאטשעטע אויגען, וויל איהם עפּעס זאָגען, נאָר דאָ טהוט דער אלטער בלינדער מגיד א פּאטש אין טיש און מיט אזא אימפּעט און אזוי אונערווארטעט, אז פיעלע טהוען זיך א טרייסעל. און א פּאטש געטהאָן אין טיש, הייבט ער אויף דיא האנד אין דער הויך און זיין פּארמעט פּנים בעלעבט זיך, א רויטקייט צוגיסט זיך איבער איהם און א קעהר געטאָן דעם קאָפּ מיט דיא בלינדע אויגען אין איין זייט, אין דיא אנדערע הויבט ער אָן פּריי־הער צו ריידען מיט א הארציגען ניגון און מיט א וויכער שטימע, וויא א פּאָטער, וואָס קלייבט זיך צו דערצעהלען זיינע קינדער, וועלכע ער האָט זעהר ליעב, פון א זאך, פון וועלכע זיי זאָלען זיך אָפּלערנען א מוסר...

— קינדערלאך — הייבט ער אָן — מע האָט מיר געזאָגט, אז דער טלית, וואָס איך טראָג, איז כמעט נאָך ניט געניצט געוואָרען... אוי, וועה איז מיר, נאראָנים!... דאָס דערמאָנט מיך אויף א מעשה. הערט אוים, קינדערלאך, און נעהמט זיך דאָס גוט אריין אין מוח! — שרייט ער פּלוצים אוים מיט פייער, בייזערנדיג זיך, און דאן נאָך א קורצע פּויזע, הויבט ער ווידער אָן מיט זיין פריהערדיגען וויכען, פּאַטערליכען קול: — איך קום אמאָל אין א'ן אכסניה, זעה איך, עס ליעגט אויף'ן טיש א טלית'ל און לאכט. פרעג איך: „טלית'ל, וואָס לאכסטו?“ ענטפּערט ער ניט און לאכט. פרעג איך א צווייטען מאָל: „טלית'ל, טהייערינקער, וואָס לאכסטו?“ ענטפּערט ער ניט און לאכט. פרעג איך א דריטען מאָל: „טלית'ל, טהייערינקער, ענטפּער מיר, וואָס לאכסטו?“ ענטפּערט ער מיר: „דער בעל הבית איז אוועקגעגאנגען און האָט גענומען מיט זיך די תפילין און האָט מיך איבערגעלאָזען; עס וועט אָבער קומען א צייט, אז ער וועט מיך מוזען נעהמען און דיא תפילין וועט ער דאָ איבערלאָזען“... אוי, קינדערלאך, אָט אזוי האָט געענטפּערט יענער קלוגער טלית'ל און דער, וואָס איך טראָג אצינד, זאָגט אויך, צו מע האָט איהם געניצט פיעל צו וועניג — אוי, וועה געשריען, אין קבר וועט איהם אָבער זיין בעל הבית מוזען נעהמען!...

עס הייבט זיך אויף א יללה פון דער ווייבערשער שוהל, דיא אידען־יאטעס אונטען פאנגען אָן צו זיפצען און צו אָכצען, הוסטען, שנייצען דיא נעז, סאָפּען, קעהרען אָפּ דיא קעפּ און ווישען פער'גנב'עט דיא אויגען מיט דיא ארבעל... דיא „מילכיגע“ זיינען אויך דורכגענומען פון דעם מגיד'ס ווערטער. פיעלע פון דיא יונגווארג, מיט דיא היטעלעך אויף דיא זייטען, מיט דיא רעקלאך אויף דיא פּלייצעס און אין דיא שטיוועל מיט דיא לאנגע כאָליוועס, שטעהן מיט אָפענע מיילער און מיט פערוואונדערטע, אויסגעגלאָצטע אויגען אויף'ן מגיד און קראצען

זיך די פּאַטילניצעס; אנדערע פון זיי קוקען איינער אויף'ן אנדערן מיט בלישצענדע אויגען, מיט התפעלות און שאָקלען צו מיט די קעפּ און האַלטען די ליפּען צונויפגעלייגט, ווי צו שמאַקצען: פּיש־פּיש... און נאָך אנדערע, עלטערע, וואָס זיינען מעהר דורכגענומען פון דעם מגיד, בעוועגען מיט די פּלייצעס, שצע־מען מיט די ציינער, סאָפּען מיט די נעזער, קעהרען אָפּ די אויגען, וואָס זיינען פערצויגען מיט טרעהרען, און שעהמען זיך צו וויינען, און שטיקען אין זיך די טרעהרען... אַרע איז גאָר צוקראָכען, שטעהט אין דער הויך אויף זיין אָרט, שאָקעלט זיך מיט זיין לאנגען קערפּער הין און צוריק, פּייפט מיט'ן נאָז, וויינט און טענה'ט פיר זיך: „אמת, אמת, סוף כל סוף וועלען מיר ליגען אין דר'ערד!" און ישראליק'ל קאטוף? ער הערט דעם מגיד און טראכט: „אז איך וואָלט געהאט זיין לשון, עהע, וואָס פיר א געשעפטען איך וואָלט געמאכט!" דאן פערדרייסט ער דעם קאָפּ צו די ווייבערשע שול, צו זעהן, וואָס טהוט כוואַט'ס שעהנע ווייבעלע. ער זעהט, אז זי האלט א ווייסען טיכעל צו די אויגען, טראכט ער: „וואָס וויינסטו, קוילי־טשעל?... ווייל דער מגיד איז א'ן אלטער מאן? קום צו מיר, איך בין יונגער... אך, אזא פרישינ־קע פּרעפּעצקע, א רוה אין איהר נשמה!"

שלמה בוטין זיצט אויף'ן ביהמע געגען מגיד מיט א בעגייסטערטען פנים, מיט א צו־שפּרייטער טיכעל אויף די קניע, ווייזט ארויס זיין התלהבות מיט צושאָקלען מיט'ן קאָפּ און מיט שנייצען די נאָז אין טיכעל און מיט אויסשרייען יעדע סעקונדע מיט געפיהל: „אַה, יע, טאטעלע־פּאָטערל!..." בענצע העלפט איהם אונטער מיט זיין כראקען און מיט זיין ערנ־סטען זיפצען. און געטצעלע קראַליק אליין האלט שוין דעם קאָפּ איינגעגראָבען אין זיין ארבעל פון קאפטען, כליפּעט און קוקט זיך יעדע מינוט ארום מיט זיין איינציגער אויגעל פון אונטער'ן אַרבעל, אויב דער עולם בעמערקט, ווי ער איז „צוניהמען"...

און דער בלינדער מגיד רעדט און זיין קול הילכט אָט מיט רוגזה און בעפעהלענדיג און אָט ווייך און בעטענדיג און טרערען קלינגען אין זיין קול. ער רעדט פון דעם, ווי דאָס לעבען אויף דער וועלט איז הבל הבלים, אז דאָס אמת'ע לעבען, דאָס אייביגע, איז נאָר דאָרט, הינטער'ן קבר... און יעדער מענש איז מחויב זיך פּאָרצובערייטען פיר יענעם וועלטען וועג מיט שפּייז... מיט שפּייז ניט פיר דעם חומר, ניט פיר דעם גוף, וואָס איז עפר וסופו לעפר, נאָר פיר דער נשמה, וואָס לעבט אייביג...

„אוי, שוטים — טהוט ער פּלוצים א גע־שריי מיט אזא קול, וואָס טרייבט ארויף א שרעק, א'ן אימה אויף די צוהערער — שוטים, נאראָנים, איהר יאָגט זיך, איהר רויבט, איהר רייסט איינער ביים אנדערן דעם ביסען ברויט פון'ם מויל, איהר בע'גנב'עט אָרימע לייט, איהר בע'גזל'ט אלמנות, איהר בעראַבעוועט יתומים'לאך, — צוליעב וואָס? הא? צוליעב וואָס, שוטים, הא? שרייט ער מיט פייער און זיינע בלינדע רויטע אויגען בעוועגען זיך איצט, דאכט זיך, אויך און ציטערען — וועט איהר דאָס נעהמען מיט זיך אויף דעם עולם האמת? אוי, קינדער־לאך, ניין! א טלית נור קענט איהר מיט זיך נעהמען פון דאנען און א פּאָר תכריכים. דאָס איבריגע: געלד, ציערונג, בנינים — דאָס איז אַלעס שקר, שקר וכזב, הבל הבלים — שקר איז דאָס, שקר! — טהוט ער קלאפּ מיט'ן האנד אין טיש און גיט זיך א בייזער מיט פייער: —שקר!.. קינדערלאך, — בייט ער אום אין מיטען־דערינען דעם טאָן אויף א ווייכען, בע־טענדיגען — אוי, קינדערלאך, נארישע פייגע־לאך! אז איהר דארפט ארויספאָהרען אויף עט־ליכע וויאָרסט, אויף איין טאָג, גרייט איהר זיך צו, זעהט איהר, אז קיין זאך זאָל אייך ניט פעהלען אויף'ן וועג און אז איהר קלייבט זיך ארויס אויף אזא ווייטע נסיעה און ניט אויף איין טאָג און ניט אויף איין יאָהר, פערגעסט איהר מיט זיך מיטצונעהמען דאָס נויטהיגע, אָהן וואָס אייך וועט דאָרט זיין זעהר שלעכט, נעבאך — די מצוות, קינדערלאך, אוי וועה איז מיר! די מצוות פערגעסט איהר אָנצו־גרייטען אויף די ווייטע נסיעה!...

ער ווערט שטיל, לאָזט אראָפּ זיין קאָפּ אויף זיין ווייסע באָרד, אָטהעמט שווער און זיין גאנ־צער קערפּער מיט דער ברוסט און ברייטע פּליי־צעס בעוועגען זיך ארויף און אראָפּ... דער יאָמער פון דער ווייבערשער שוהל הערט זיך אצינד שטארקער, איין פרוי קלאָגט דאָרט היסטעריש... די מענער אונטען זיינען איצט נאָך מעהר צונומען... מאנכער האלט דעם קאָפּ ארונטערגעלאָזען הינטער דעם צווייטענס רוקען און כליפּעט פערשטיקט; דער האלט דעם פנים אויף א זייט מיט'ן ארבעל אנטקעגען, שלינגט די טרעהרען און רייבט די נאָז; אנאנדערער

קוקט מיט דיא אויגען אויפ'ן מגיד און אי־
בער דיא באקען קייקלען זיך ביי איהם בעת
דעם טרערען... און דאָס אלעס אין איינעם :
דער אלטער בלינדער מגיד מיט זיין מורא'דיגען
אויסזעהן, מיט זיינע פייערדיגע, הינרייסענדיגע
ווערטער, דיא יללות פון דיא ווייבער פון
אויבען, וויא פון הימעל, דאָס קרעכצען, זיפצען
און כליפען פון דיא מענער, וואָס טראָגט זיך
פון אלע זייטען אונטען אין בית מדרש, ווירקט
אויף דיא „מילכיגע“, וועלכע זיינען ניט גע־
געוואוינט צו אזעלכע סצענעס, ווירקט זעהר
שווער און עס דערמאָנט זיי אויפ'ן טויט און
אויף דיא ריטער פון יענער וועלט, און זיי פיה־
לען זיך ביי זיך אזוי קליין, אזוי שוואך, אזוי
הילפלאָז געגען דעם אונפערמיידליכען, שרעק־
ליכען טויט... יעדער פון זיי פיהלט זיך אצינד
אין דיא אייזערנע נעגעל פון דעם שווארצען
טויט... פאר פיעלע פון זיי שוועבט דער גהינם
מיט אלע זיינע יסורים, מיט זיינע פייערדיגע
סקאווראָדעס און מיט זיין קאָכעדיגען פעך
און שוועבעל... אך, וואָס פאר גרויסע זינדער
זיי פיהלען זיך יעצט!... איינער א יונגערמאַן,
פון דיא „מילכיגע“, מיט דיא היטעלע אויף א
זייט און מיט דעם רעקעל אויף דיא פלייצעס,
האָט פערשטעלט זיין פנים מיט דער פאָלע פון
זיין רעקעל און ציטערט אויף מיט דיא אקסלען ;
אנאנדערער נעבען איהם, אויך מיט'ן רעקעל
אויף דיא פלייצעס, האלט זיך איין מיט אלע
קרעפטען פון וויינען. קרימט מיט דער נאָז,
פינטעלט מיט דיא אויגען, בייסט דיא ליפען,
דרעהט מיט דיא פלייצעס אונטער'ן רעקעל,
שטיקט אין זיך דיא טרערען, אָבער דאָס שרעק־
ליכע ארומיגע ווירקט דאך אויף זיינע שטארקע
נערווען און, דערפיהלענדיג אז טרערן הייבען אָן
צו נעצען זיינע באקען, קעהרט ער שנעל אָפּ
דעם קאָפּ, שטעלט זיך הינטער א צווייטענס
רוקען און ווישט פער'גנב'עט דיא טרערען...
שלמה בוטין אויפ'ן ביהמע האלט דאָס טיכעל
פאר דיא אויגען, וויינט אויך. זיינע אלע
מעשים טובים לעבען פאר איהם איצטער אָפּ...
נאָך נעכטען האָט ער צוגענומען „סחורה“, וואָס
מע האָט ארויסגע'גנב'עט ביי א'ן אָרימען אי־
דען... און ער טראכט, אז פון אצינד אָן וועט ער
אָנהייבען צו געבען פיעל צדקה און אז גאָט וועט
צושיקען זיין מיזינקע א לייטישען חתן און ער
וועט איהר חתונה מאכען, וועט ער אפשר נאָכ־
דעם גאָר אוועקפאָהרען אין ארץ ישראל...
בענצע פכע נעבען איהם פייפט אויך מיט דער
נאָז, כראקעט אויפ'ן קול און טראכט : „מע
דארף דעם מגיד רופען אויף שלוש סעודות צום
שווער, דאָרטען וועל איך קענען איהם וויזען,
וואָס איך בין... אז ניט מיינט ער אודאי, אז
איך בין אויך א פשע ישראל, א'ן עם הארץ און
אויך א פערד־גנב... פכע!..“

געטצעלע קראָליק איז פון גרויס התלהבות
גאָר אנשלאָפען געוואָרען מיט'ן פנים אויפ'ן
ארבעל, אָנגעשפארט אויף דעם ווענטעל פון
דער ביהמע... עס איז אזוי הייס אין בית
מדרש און איהם איז אזוי שווער געווען צו בע־
קעמפפען דעם זיסען שלאָף נאָך'ן טשאָלענט...

אָרע טשיביקער איז אצינד גאָר ארויס פון
דיא כלים... דער מגיד האָט איהם אזוי צו־
וואָרעמט, אז ער האלט שוין דעם שטערן אָנ־
געשפארט אָן פויסט פון דער רעכטער האנד
ביים ווענטעל פון'ם פענסטער, דרעהט מיט'ן
האלז, ציטערט אויף מיט דיא פלייצעס, שלאָגט
זיך מיט דער לינקער האנד אין ברוסט און
טענה'ט : „איך בין א גנב, א רוח אין מיין האר־
צען... נאָך היינט האָב איך בעשטעלט א נייע
גנבה'לע!...“

נאָר ישראל'קע קאטוך איז ניט געריהרט.
ער קוקט מיט זיינע אָקסענע אויגען ארום זיך,
בעמערקט דיא בעקאנטע גנבים, זעהט וויא זיי
זיינען צונומען און טראכט שמייכלענדיג אין
זיין ברייטער, שווארצער באָרד : „א קריינק
אויף אייך, איהר צוקראָכענע נפשות וואָס איהר
זייט. איהר האָט אלע מורא פאר'ן טויט!... און
איך שפיי אויף דעם טויט און אויף דיא אנ־
דערע מאכאראיקעס אין גהינם!... אז איך וועל
שטארבען, וועל איך ניט לעבען און כל זמן איך
לעב, כל זמן הנשמה... הנשמה... (ער זוכט אין
געדאנקען דאָס אנדערע וואָרט און געפינט ניט,
טהוט ער א גלעט דיא באָרד און טראכט) :
„נו, איז ניט געפידעלט, האָב איך פערגעסען,
וויא ווייטער שטעהט דאָרטען!...“ און א קוק
געטאָן אויבען, צו דיא ווייבער, און דערזעהן
כוואט'ס ווייבעלע, מיט דער טיכעל ביי דיא
אויגען, טהוט ער א מורמעל אין באָרד : „אָט
אז דער מגיד וואָלט מיר געקענט זאָגען, וויא
אזוי איך פאָדצאָפּע אָט דיא פרעצעפּקע, א
חלאת אין איהר הערצעלע אריין!...“

דער מגיד הויבט אויף ווידער דעם קאָפּ
מיט זיינע רויטע, בלינדע אויגען און פאנגט אָן
ווידער מיט א וויינען, בעטענדיגען קול :

„קינדערלאך, דיא ימים נוראים קומען
באלד אָן, זיינגט ער ארויס מיט הארץ און פער־

שטיקטע טרערען קלינגען אין זיין קול — פאספאָרטען וועט מען אונז אלעמען ארויסגעבען, וועמען אויף א יאָהר לעבען און וועמען נור אויף עטליכע טעג... אוי, אוי, טהוט ער פלוצים א שרעקליכען קרעכץ און שאָקעלט מיט'ן האנד אין לופטען, וויא א שרעקליכער געשפענסט :— וויפיעל אלמנות זיינען דאָ אין בית המדרש און וויפיעל יתומים'לאך !...

דער געוויין ווערט יעצט העכער, שרעקליכער, דיא מענער אפילו צוקלאָגען זיך אויף'ן קול. דיא פרויען קוויטשען היסטעריש, און ער רעדט אלץ ווארימער, אלץ הייסער. פונקען פייער שפריצט זיין מויל. ברענענדיגע פונקען, וואָס פאלען אויף דיא הערצער, אין די מוחות פון דיא צוהערער...

„תשב"ר ! — שרייט ער מיט אמאָל אויס מיט אזא בענומענעם, אימה'דיגען קול, אז אפילו ישראל'קע קאטוף טהוט אויף א מאָמענט א ציטער — תשב"ר ! תנוקת של בית רבן — דיא קליינע הדר־קינדער. וועלכע לערנען דיא תורה בטהרה, וואָס אויף זייער זכות שטעהט דיא וועלט, אָט וויפיעל פון דיא קינדערלאך, פון דיא ריינע נשמה'לאך וועלען פאספאָרטען קריגען פון מתים'לאך, נעבאך ! און פיר וועמעס חטאים, ברוך השם ? פיר אייערע חטאים, פיר אייערע גרויסע עברות... תשובה טהוט, טאטעס פון קליינע קינדער, טהוט תשובה ! — סטראשעט ער מיט א'ן אימה'דיגער שטימע און שאָקעלט מיט'ן האנד אין לופטען, שטעהענדיג אויף דער ביהמע, וויא א שרעקליכער געשפענסט פון יענער וועלט...

אין דיזער צייט קלינגט אָב פלוצים אָרע'ס הייזעריגע, שכור'ע שטימע איבער'ן בית מדרש:

— אוי, איך וויים איצטער, פארוואָס מיין בערעלע איז געשטאָרבען, ווייל איך, זיין טאטע, בין א גנב ! שרייט ער מיט א פערקרימטען פנים, שלאָגט זיך מיטביידע לאנגע הענד אין ברוסט און רייסט זיך פון זיין אָרט... אלע טהוען זיך א קעהר צו איהם פערוואונדערט, מיט דיא פער'צרה'טע, פערוויינטע, פנים'ער. בענצע און שלמה בוטין שפרינגען אויף פון זייערע ערטער און קוקען צומישטע אויף איהם פון דער ביהמע, אפילו דער מגיד האָט א קעהר געטאָן דיא בלינדע אויגען אין זיין זייט. ישראל'קע קאטוף כאפט איהם אָן פאר'ן אָרעם און רעדט צווישען דיא ציינער : „דו ביסט שכור, רעד ניט.. א מיאוס'ע זאך". נור אָרע רייסט זיך ארויס פון זיינע הענד און שרייט : — איך וועל ריידען !

איך וויל תשובה טהאָן ! לאָז מיך איין, גנב ! און אראָפגעשפרונגען פון זיין אָרט, לויפט ער מיט א יאָמער צום ביהמע, דער עולם טרעט אָפ פיר איהם א וועג, צושראָקען, צומישט און א פערשטיקטער טומעל לויפט דורך דעם בית המדרש, א טומעל, וואָס פעראייניגט זיך מיט דעם געפילדער אויבען, צווישען דיא ווייבער... ארויפגעלאָפען אויף דער ביהמע, שטויסט ער זיך אָן אויף געטצעלען, וואָס שלאָפט נאָך געשמאק, אָנגעשפארט זיך אויף דעם ארבעל פון זיין קאפטען, פאלט צו צו דעם בלינדען מגיד'ס פלייצע, קושט איהר, און וויינט פערשטיקט וויא א קינד : „איך בין א גנב, רבי, און דערפאר איז מיין בערעלע געשטאָרבען... מיר זיינען אלע גנבים, וועה איז מיר !.."

א געוואלדיגער טומעל הייבט זיך אויף ארום. פון דיא הינטערסטע רייהען הייבט מען זיך אָן צו שטופען נעהנטער צום ביהמע... פון אלע זייטען ווערט א געשריי : „שא ! שא !..." געטצעלע קראָליק כאפט זיך אויף און קוקט זיך אום צושראָקען און, געכאפט זיך אויף וואָס'ער וועלט ער איז, איבערהויפט דערזעהן, אז אָרע וויינט, לייגט ער אויך צו דעם ארבעל צום אויג און קרימט דיא ליפען מיט א וויינעדיגע מינע... ישראליק'ל קאטוף קוקט שטארק אויפגערעגט אויף'ן ביהמע און אויף'ן סוף דונערט ער ארויס :

— אָרע געה אראָפ פון ביהמע, דו ביזט שכור, דו ווייסט ניט, וואָס דו רעדסט... גלויבט איהם ניט קיין וואָרט, רבי, ער האָט צופיעל אויסגעטרונקען !

אָבער אָרע דריקט זיך מיט דיא ליפען צום מגיד'ס פלייצע און יאָמערט אויף'ן קול : „אזא גוט קעפעלע האָט מיין בערעלע געהאט, א רב וואָלט ער אודאי געווען און ער איז געשטאָרבען, ווייל איך בין א גנב, ווייל מיר אלע זיינען גנבים, וועה איז מיר !"

געטצעלע קראָליק שאָקעלט צו מיט'ן קאָפ און ווישט דיא אויגעל מיט'ן ארבעל. — אמת, אמת, בורטשעט ער אונטער נאָז — איך וויים דאָך !

ישראל'קע קאטוף שפרינגט אראָפ פון אָרט, טהוט א שפיי מיט כעס און פערלאָזט דעם בית המדרש אויפגערעגט... שלמה בוטין און בענצע פכע שטעהן צומישטע אויף דער ביהמע און שעהמען זיך ארומצוקוקען זיך אויפ'ן עולם ארום...

דער מגיד בערוהיגט מיט ווייכע ווערטערען, וואָס געהט אראָפ פון ביהמע א צובראָ־

כענער, מיט א'ן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און שטעלט זיך צוריק אויף זיין אָרט, און דאן ענ־דיגט דער מגיד זיין דרשה...

VI.

## דיא מילכיגע שעהמען זיך.

אין א פּאָר שעה ארום זיינען אין בית המדרש פערבליבען נאָר אייגענע מענשען... אין דיא פענסטער קוקען ווידער אריין דיא בוימער פון'ם סאַד... עס איז ווידער ליכטיג ארום און א קיה־לער ווינטעלע בלאָזט פון דרויסען... אָרע זיצט אויף זיין אָרט, אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אָן וואנד, מיט א'ן האלב אָפענעם מויל, מיט צוגעמאכטע אויגען, כראָפּעט שטארק מיט דער נאָז און פייפט און פּאַרשקעט מיט דיא ליפּען...

עס קומט אריין ישראל'קע קאטוך מיט א שמייכעל אין באָרד...

— נו, עס שטעהט נאָך אונזער בית המדרש? —פרעגט ער מיט איראָניע — און דו? — ווענ־דעט ער זיך צו א יונגענמאן, וועלכען ער האָט פריהער בעמערקט שטארק וויינענדיג:

— דו האָסט אויך געוויינט פון'ם מגיד?

דער יונגערמאן טהוט זיך א קראַץ אין פּאָטיליניצע און ענטפערט פעריטעהמט:

— איך האָב ניט געוויינט, א יאט געטראָ־פען!... אָט ער האָט געוויינט — אברהם'עלע צאַפּ!—ווייזט ער אויף אנאנדערן, וואָס איז אָנ־געטהאָן מיט א רעקעל מיט א רויטען גארטעל.

דער לעצטער אָבער לייקענט אויף שטיין און ביין, אז ער האָט געוויינט. ער איז אויך ניט קיין יאט און פון מגיד'שע יוצרות חלש'ען ביי איהם אויך ניט אָפּ דיא פּיאַטעס, זאָגט ער. אויף'ן סוף געפינט אוים ישראל'קע קאטוך, אז די אפילו, וואָס ער האָט געזעהן וויינענדיג, זאָגען גאָר, אז זיי האָבען געלאכט בשעת דער מגיד האָט גערעדט...

ישראל'קע קאטוך געהט צו צו אָרע'ן וועקט איהם אויף.

— שטעה אויף — וועקט ער איהם — א זשערעבציק געבראכט... דריי יאָהר א'ן אָדלער... געה בעשטעל איהם א קווארטיר!

אָרע שפּרינגט אויף, רייבט זיך דיא אויגען.

— פרישע סחורה?... א זשערעבציק?... וואו?... פרעגט ער מיט אימפּעט.

—אין דר'ערד געה, גרויסער יאט דו! ענטפערט איהם ישראל'קע קאטוך, קלאָפּט איהם איבער'ן אקסעל: — נייער בעל תשובה, א רוח אין דיין נשמה! — לייגט ער צו און שמייכעלט אין באָרד...

אָרע קוקט אויף איהם מיט אויסגעגלאָצ־טע, תמ'עוואטע אויגען, פערשטעהט ניט, פון וואָס קאטוך רעדט און דער עולם ארום אָרע'ן לאכט פריילאך און רייצט זיך מיט איהם, לאכט פון זיין תשובה טהאָן אויף וואָס ער, אָרע, דערמאָנט זיך יעצט וויא דורך א חלום, און אָרע פעריטעהמט זיך אויך...

**לעאָן קאָברין.**

8 מערץ, 1904, ניו יאָרק.

# נייע ביכער.

## אַן אָריגינעלער בוך*)

פּארציייטענס האָט כמעט יעדער טינט־טראָפּען געלאָזט א צייכען אויף אייביג. היינט מוז עס שוין זיין זעהר א זעלטענער, אָריגינעל־לער טראָפּען טינט אום צו לאָזען א שפּור נאָך זיך. דען פּארציייטענס האָט דער טינט גע־טריפט קליינינקע טראָפּענס־ווייז. יעדער טראָ־פען איז דעריבער פון דעם ריינעם גרונד אויפ־געכאַפּט געוואָרען און אויפבעוואהרט אויף דור דורות, וויא דער מן אין דער צנצנת.

אָבער דער טינט־רעגען האָט וואָס וויטער געגומען גיסען אלץ געדיכטער, ביז עס איז היינט שוין אזוי וויט געקומען, אז עס מבול'ט גאָר שרעקליך. און כמעט יעדער נייער טראָפּען טינט, וואָס רינט היינט צו, איז געגליכען צום זינדיגע מענשען: „עפר אתה ואל עפר תשוב" — ער איז אש און בלאָטע און ער געהט צוריק צו אש און בלאָטע... וויא אזוי זאָלען זיך דיא אלע נייע טראָפּענס טינט אָנזעהען אויף דעם אָנ־געשוואָרצטען גרונד?...

*) „חמישה ואלף מכתמים מקוריים, מאת גרשון ראָזענצווייג. בשני חלקים. חלק ראשון. מחציצו, עם מבוא. תרס"ד. בדפוס א. ראָזענבערג, ניו יאָרק.

עס מוז שוין דעריבער זיין עפּעס גאָר א זעל־טענער טראָפּען טינט, אז ער זאָל האָבען דעם זעהר זעלטענעם מזל היינטיגע צייטען צו בליי־בען זיך אַנזעהען אויף לאַנגע יאָהרען.

אָט צו אזוינע זעלטען מזל'דיגע טינט־טראָ־פּענס געהערען דיא „טויזענד און פינף עפּי־גראַמען", וואָס העדר גרשון ראָזענצווייג האָט אָנגעהויבען ארויסצוגעבען אין לשון קודש. איך ער פילל דאָ א'ן אנגענעהמע פפליכט צו שריי־בען אין דיא „צוקונפט" א קורצע בעטראכטונג איבער דעם ווערק, וויא איך האָב דעם פערפאַס־סער פערשפּראָכען ווען איך בין נאָך געווען דער רעדאקטאָר פון דער „צוקונפט".

* * *

ווען מען וואָלט געפונען אזעלכע עפּיגראַמען, וויא העדר גרשון ראָזענצווייג'ס צווישען אלטע פּארצייטיגע שריפטען, וואָלט מען זיי געוויס אָבגעגילטען און מען וואָלט זיי הויך אויפגעהוי־בען אלס א מערקווירדיגען בעווייז פון דיא גרויסע חכמה פון דיא „ראשונים". און דער וואָלט גאָר ניט געווען בעטראכט פאר קיין גע־בילדעטען מענש, ווער עס וואָלט ניט געקענט דיזע עפּיגראַמען פון אויסענווייניג און וואָלט זיי ניט בענוצט ביי יעדע פּאסענדע געלעגענהייט, אזוי וויא מען בענוצט צווישען לומדים פּסוקים פון תנ"ך און מאמרים פון פרק אבות און גמרא, אָדער וויא מען בענוצט צווישען געבילדעטע לייט שפּריכע פון לאטייניש און גריכיש.

דאָס זיינען מערקווירדיגע עפּיגראַמען, העדר ראָזענצווייג'ס זיי בלישצען אי מיט גייסטרייכען וויץ, אי מיט קלוגען זין, אי מיט בייסענדען סארקאזמוס, אי בעזאָנדערס מיט וואונדערליכען וואָרט־שפּיעל.

ליידער לאָזען זיך דאָס רוב פון דיא עפּי־גראַמען ניט איבערזעצען, ווייל זייער וויץ שטעקט אין העברעאישען וואָרט־שפּיעל. דורך דעם איז ליידער ניט מעגליך, אז דיא גרויסע וועלט זאָל ריכטיג דערגיין, וואָס פאר א רייכער גייסט עס בליצט דאָ ארויס פון דיא געהעטאָ־כמארעס.

פיר אונז, סאָציאליסטען, איז דאָס ווערק נאָך בעזאָנדערס וויכטיג צוליעב דעם, וואָס דער שאַרפער גייסטרייכער סארקאזמוס, מיט וועלכען דער פערפאסער רייסט זיך דורך אריין אין אלע פערבאָרגענע פערקרימטע ווינקעלעך פון דיא מענשענס נשמה און שטעכט גיפטיג אלע פעהלערן, פערקריכט אויך אין סאָציאלע ווינקלען און צייגט אָן אויף דיא העסליכע זייטען. וואָס אונזער סאָציאלע קריטיק געפינט.

איך וועל פּרובירען אויסקלייבען איינִיגע שטעכעדיגע שפּיצלעך אזעלכע, וועלכע מען וועט קענען וויא עס איז עטוואָס ערקלערען אין אידיש:

פּה על פּת לחם יפסע גבר
ושם על פּת לחם יפשע גבר.

(איינער טרעט אויף ברויט מיט דיא פיס, דער צווייטער ווערט א פערברעכער צוליב ברויט א ביס).

יבוזו לגנב פושע על ככר(*) לחם,
ויכבדו מרצה על ככר לחם.

(פערראכטעט איז דער וואָס גנב'עט צו מחיה זיין דיא נשמה,
פערראכטעט איז דער וואָס מערדערט אויפ'ן פעלד פון מלחמה).

גם כסא גם כוס לאליהו יכינו
שמעו כי כסף רב עד שיבוא התמינו. 2

(א שטוהל און א כוס ווערט פאר אליהו געשטעלט, וויול ביז זיין קומען איז בעהאלטען פיעל געלד.)

אשרי האיש לו בית ואחוזה
על כן נהגו לנשק את המזוזה.

(וואָהל דעם וואָס האָט זיין אייגענע וואָהנונג צו קושען דיא מזוזה, דאָס איז דיא מיינונג).

השם „שדי" נשקף להוברי השמים
מעל הכוכב מאדים, כוכב המלחמה.
וליושבי המאדים שם בשמים
השם „כסף" נשקף מן האדומה.

(אויפ'ן מארס דער שטערן פון בלוט
זעהן דעם וואָרט „שדי" דיא אסטראָנאָמען.
דאָרט וויעדער זעהט מען גאנץ גוט
„געלד" — אונזער הייליגען גאָטעס נאָמען.)

כי תראה איש גדול, חכם בעז גבר,
כי יכנע על פּת לחם, ישפל על שבר;
וזכרת דרך הנשר, זה מנקיון שנים,
על נבלה וטרפה יפיל ממרומי שמים.

(ווען דו זעהסט א חכם, א גרויסען געלעהרטען,
צוליעב ברויט נידריג, כמעט א פערקעהרטען,
דערמאָהן זיך פון אַ אָדלער דעם שטייגער,
ער פאלט ארונטער פונהימעל אויף א פּגר.)

---

(1) „ככר" איז א לעבעל און „לחם" ברויט, „ככר" איז אָבער אויך א פּלאץ און "לחם" — מלחמה.

(2) ביי געוויסע דין תורות איבער געפינ־זא־כען איז דער דין, דאָס געלד ניט צו געבען קיינעם, נאָר עס צו בעהאלטען „ביז אליהו הנביא וועט קומען".

מלפנים עבדו את הבעל 3)
מתי מעט אנשי בליעל,
ועתה המון רבה אמללים
בעד פת לחם ישתחוו לבעלים.
(א מאָל האָבען געדיענט דעם „בעל“
וויניגע פערפיהרטע פּערזאָנען;
היינט קניען זיך צו איהם איבעראַל
אונגליקליכע ארבייטער אין מיליאָנען).

קנקנים מלאים ישן
בחורי מרתפים נטמנו,
וארובות העשן
על פנות גגות נתנו.
(קריג מיט וויין, פולע,
שטעהען אין קעלערן, אין לעכער,
און פּוסטע קוימענס האָבען גדולה,
זיי שטעהען אויף דיא דעכער).

כסף מטהר ממזרים
ומטמא את הכשרים.
(געלד מאכט ממזרים כשר און ריין,
און כשר'ע מענשען טמא און געמיין).

חכמות בחוץ תרונה,
כי לא תוכלנה שלם שכר מעונה.
("חכמות זינגען אין דרויסען שירה",
ווייל זיי האָבען ניט צו בעצאָהלען פיר א דירה).

מעטים עשו עשר
מעטים עוד בכשר;
ומעט עוד ביושר
והמעט מכלם באשר.
(וויניגע האָבען רייכטהום אין האנד,
נאָך וויניגער דורך חכמה און פערשטאנד,
נאָך וויניגער מיט עהרליכע וועגען;
אם וועניגסטען מיט גליק און זעגען).

מה רבו בתבל תרנגולים אמללים
אשר בשרו אור. יום טרם נסו הצללים,
ויהיו לכפרה, הובאו שערי מות,
בידי בני אדם יושבי חשך וצלמות.
(אָה, וויפיעל וויינען דיא אונגליקליכע הענער,
וואָס האָבען געקרעהט אויף טאָג אָהן קאטאָוועס,
און זיינען געוואָרען א כפרה דורך מענער,
בני אדם יושבי חשך וצלמות).

פאר א ביישפּיעל פון אן אנדער סאָרט גייסטרייכען וויץ און סארקאזמוס וועלען מיר נאָר ברענגען א פּאָר שטיקלעך. איך כאפּ עס ארויס וואו עס מאכט זיך, גאָר ניט זוכענדיג:

נערה בתולה רעת תואר
דרשה ברופא עודנו בנוער
ויגד לה: „אם תנשאי לאיש
תרפאי מחליך מהר חיש“.
„אם כן, ענתה, כדבריך
פרוש נא אתה עלי כנפך!“
ויען: „הרופאים כותבים מרורים
לא בעדם, אך בעד אחרים“.
(א יונגע מיידעל, ניט צו־שעהן פון געשטאלט,
האָט בעזוכט א דאָקטאָר וואָס איז נאָך ניט אלט.
דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: „מיין טהייערע קינד!
געה האָב חתונה, וועסטו ווערען געזונד“.
„אויב נור אן דעם היינגט אָב מיין רפואה,
האָב דו מיט מיר חתונה, ברייננג מיין ישועה“,
„ניין!“ ענטפערט דער דאָקטאָר, „עס איז קיין קאטאָוועס,
דאָקטאָרען שרייבען נור פיר אנדערע סם המות“).

„האמת השלכה ארצה ערומה,
ויכסוהו בבגדים כל אומה ואומה.
הבגדים כבר היו לבלויי סחבות,
וכל אחת תקדישם כנחלת אבות“.
(דער „אמת“ איז ארונטערגעפאלען נאקעט, אָהן קליידער,
און מען האָט איהם בעדעקט מיט בגדים יעדע אומה כסדר.
דיא קליידער זיינען פון לאנג שוין גע־וואָרען סמאטעס,
און יעדעס פאָלק פערהייליגט עס וויא ירושה פון דיא טאטעס).

הערר גרשון ראָזענצווייג דארף אויף האָבען א פינאנציעלען ערפאָלג מיט זיינע מכתמים, דען אזא בוך האָט אין זיך דיא זעלטענע מעלה, דאָס ווען נאָר א פערטאָגנענער מענש האָט אפילו איין מינוט צייט, קען ער דאָס א קוק טהאָן און ארײנשלינגען א פּאָר פיינע ליטעראַרישע ראָ־זינקעלעך.

איך בין זיכער, אז ווען הערר ראָזענצווייג וואָלט ארויסגעגעבען אזא גייסטרייכע שטיקעל ארבייט אין א לעבעדיגע שפּראך פון דיא אומות העולם, וואָלט ער ניט געהאט צו קלאָגען:

„לרעי בתים בעיר,
ולי בתים בשיר.
להם לרכבה מרכבה,
ולי כרוב המחשבה,
להם חרוזי פנינים,
ולי חרוזים למבינים“!....

דיא „חמשה ואלף מכתמים“ זיינען אָריגינעל ניט נאָר דערמיט, וואָס דיא עפּיגראמען און אפאָריזמען זיינען ניט קיין „געבאָרגטע“, נאָר אויך מיט דער מייסטערנס פאָרמע. עס איז

(3) „בעל“ הייסט אויך א בעל-הבית.

...ווירקליך איין אָריגינעלעס בוך אין פולען זינען פון דעם וואָרט.

ב. פייגענבוים.

---

## „דיא פרייע שטונדע"

### א מאָנאַטליכער זשורנאל פיר ערצעהלונגען און געדיכטע.

ווען מען בעדענקט, וואס פיר א מיאוס־געלען פנים דיא שעהנע ליטעראטור האָט פיר דיא לעצטע פאַאר יאָהר געקראָגען אין אונזערע טעגליכע צייטונגען, ווען מען זעהט, וואס פיר א „העכסט אינטערעסאנטען" שטאָף אונזערע טעגליכע צייטונגען גיבען זייערע לעזער אנשטאָט ליטעראטור, מוזען מיר בעגריסען דיעזען זשורנאל אלס א פרעהליכע ערשיינונג אין אונזער אָרימער ליטעראטור אין אַמעריקא.

דיעזער זשורנאל האָט זיך געשטעלט אלס אויפגאבע „צו פערשפרייטען אין דער אידישער מאַסע א בעסערן בעגריעף פון קונסט, ענטוויקלען אין איהר א פיינערן געשמאַק" דורך געבען עכט ליטעראַרישע ערצעהלונגען און געדיכטע, אי אָריגינעלע, אי איבערזעצטע. פאַר אַזאַ אויפגאַבע אליין פערדיענט שוין דער זשורנאל, אז ער זאָל אונטערשטיצט ווערען פון יעדען איינעם, וועמען דיא אידישע ליטעראטור אין אַמעריקא איז טהייער.

ביז אנפאנג אפריל זיינען ארויס 3 נומערן פון דיעזען זשורנאל, פון וועלכען מען קען זעהען, אז דער ארויסגעבער שטרעבט טאַקע צו ערפילען זיין אויפגאַבע, נאַטירליך, וויא ווייט עס לאָזט זיך. . . .

פון דיא איבערזעצונגען וועלען מיר פארלויפיג ניט ריידען. מיר וועלען נור בעמערקען, אז ביז יעצט זיינען שוין אין איהם ערשיענען גאנץ גוטע איבערזעצונגען פון טשעכאָוו, גיו־דע־מאָפאַסאַן, קאָראָלענקאָ און נאָך אזעלכע בעריהמטע שריפטשטעלער. מיר וועלען ווארפען א בליק אויף דיא אָריגינעלע ערצעהלונגען און געדיכטע אין דער „פרייער שטונדע".

דיא ערשטע צוויי נומערן ענטהאלטען אָריגינעלע ערצעהלונגען פון קאָברין, פינסקי, שלום אש, שמואלזאָהן, אדלער און קארנבליטה.

קאָברין'ס „חאס לעבען" געהערט צו דיא בעסטע ערצעהלונגען, וועלכע דיעזער טאלענטפאָלער שרייבער האָט אין דער לעצטער צייט געשריעבען. פינסקי'ס בילד: „דאס מיידעל ביים ארון קודש" איז ניט זעהר געלונגען. דיא אידעע איז א גאנץ אינטערעסאנטע, אבער דאס בילד איז ניט געראָטען. שלום אש'ס „בילדער פון מיין שטעדטיל" זיינען א גאנץ שלעכטע נאכמאכונג פון פרץ.... שמואלזאָהן'ס סקיצע „מאכט א לעבען" איז א גאנץ גוטע, אבוואהל זיא איז ניט פון זיינע בעסטע. איהר הויפט חסרון איז, וואס דער שרייבער וויעדערהאָלט צופיעל מאָל איינע און דיעזעלבע שטריכען פון שלמה'ס כאראקטער. זיין ווייב ביילקע, פון וועלכע דער שרייבער רעדט פיעל וועניגער, שטעהט פאר אונזערע אויגען פיעל לעבעדיגער פון איהם... שמואלזאָהן איז איינער פון דיא וועניגע נייע שרייבער, וואס זיינען ביי אונז אין דיא לעצטע עטליכע יאָהר צוגעקומען; צווישען זיי איז ער דער בעדייטענדסטער טאַלענט... קאָרנבליטה'ס „פרייוועט חתונה" איז א גאנץ נשקשה'דיגע בורלעסקע. צימליך שלעכט איז אדלער'ס „שטורם". דיעזער שרייבער האָט א פּאָעטישען פונק, ער האָט אבער געדארפט אביסעלע צוימען זיין פאנטאזיע, אז ניט קען זיא איהם, גאָט ווייס, וואס פאר א בילדער מאָלען.... אָט, למשל, מאָלט זיא איהם שוין אזא משונה'דיג בילד: „דיא מוטערס(?) פון דעם וואלד'ס בעפעלקערונג, דיא בוימער, נעהמען צערטליך ארום זייערע קינדער — דיא בלומען, גלעטען דיא רויזען, לאסצען און האלובען דיא גראָזען..." בוימער זאָלען צערטליך קענען ארומנעהמען דיא בלומען און גלעטען דיא רויזען, און לאסצען, און האלובען דיא גראזען — צו שטורמדיג איז אייער פאנטאזיע, מר. אדלער!... און דאָך, דורך מאנכע שטעלען אין דיעזער סקיצע בלישצעט ארויס א פּאָעטיישער פונק...

דער דריטער נומער ענטהאלט 3 אריגינעלע סקיצען. דיא ערשטע, מר. ה. אלעקסאנדראוו'ס, בעהאנדעלט א פראכטפאָלען סיוזשעט און איז אויך זעהר שעהן אנגעשריעבען, ליידער אבער זיינען דיא האנדלענדע פערזאָנען אין דער סקיצע ניט גענוג קלאָר געשילדערט פון דעם שרייבער. דיא אנדערע צוויי אָריגינעלע סקיצען זיינען פון צוויי נאָך גאנץ יונגע שרייבער אין אונזער ליטעראטור: ציפין און דאָלינסקי. דער ערשטער בעהאנדעלט זעהר אן אינטערעסאנטען סיוזשעט פון א אידישען קולאק, ליידער אבער גאנץ בלאס. דיא גאנצע סקיצע איז געשריעבען מיט א נוסחא פון א רוסישפאָליצייסקען פראָטאָקאָל, קיין איין לעבעדיגע סצענע, קיין איין כאראקטעריסטישעס בילד.... און דאָך האָט אין רעכטע הענד געקענט דיא סקיצע זיין אן אינטערעסאנטע, זעהר א גוטע. צום ביישפיעל, ווען אין דעם קולאק ערוועקט זיך דער „מענש", ווען ער פערטראכט זיך וועגען זיין לעבען, — וואס פאר א מערקווירדיג רייכען מאָמענט דאָ איז דאָ צומאָלען פיר א שרייבער, וואס קען אריינקוקען אין א נשמה!.... וויא עס איז קענטיג, האָט מר. ציפין פערזענליך געקענט אזא מענשען, ער האָט אבער ניט דיא קראפט פארצושטעלען איהם אין לעבעדיגע בילדער. ש. דאָלינסקי'ס סקיצע „אין האָספיטאל" איז פיעל בעסער. דיעזער יונגער שרייבער בעזיצט א בע־

אבּאַטונגס־פעהיגקייט און קען אריינקוקען אין דיא נשמה פון דיא מענשען, וואס ער נעהמט זיך שילדערן.

פון דיא אָריגינעלע געדיכטע וועלען מיר דאָ דערמאָהנען ליעסין'ס אי אין דעם ערשטען אי אין דעם דריטען נומער פון „פּריוע שטונדע" — בּיידע געדיכטע צייגען ארויס פּאָעטישע קראַפט. מיט איין וואָרט, דער זשורנאַל „פּריוע שטונדע", וויא אזוי ער ווערט ארויסגעגעבען און רעדאַקטירט, איז, אין גאַנצען גענומען, א פליי־ליגע ערשיינונג אין אונזער ליטעראַטור.

קריטיקוס.

---

## „דער עקאָנאָמישער ליגען" פון מ. נאַרדוי

דאָס איז דער נאָמען פון א בראָשורע פון 50 זייטען, וועלכע איז איבערזעצט פון דייטש פון ר. ראָקער און איז ארויסגעגעבען פון די אנארכיסטישע גרופּע „ארבייטער פריינד" פון לאָנדאָן.

דיא קריטיק פון דיא עקאָנאָמישע צושטענ־דען און פיהרונגען פון אונזער געזעלשאַפט איז דער גרויסער און פּרוקטבארער באָדען, אויף וועלכען אלע סאָציאַליסטישע און אנארכיסטישע סיסטעמען וואקסען אזוי רייך און שטארק. דיא גרויסע און אלגעמיינע פערנייגונג פון דעם פּרינציפּ פון קאפּיטאליסטישען פּריוואַט־איי־גענטהום שטעלט מיט זיך פאָר דעם ברייטען און שטארקען האנד, וואָס האלט צוזאמען דיא ריכ־טונגען און מיינונגען, וועלכע זיינען אזוי גרונד־פערשיעדען אין פיעלע אנדערע פראגען. אויפ־צוקלערען יעדען מענשען איבער די עקאָנאָמישע ערשיינונגען אין דער געזעלשאפט, אין וועלכער ער לעבט, איז נאַטירליך די פליכט פון יעדער פּארטיי. און ווירקליך, יעדע פּארטיי און אי־בערהויפּט דיא מוטער־פּארטיי, דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, האָט אין דער גאַנצער וועלט ניט געלאָזט דעם לעזער אָהן א סך עקאָנאָמישע שריפטען. ליידער אָבער זיינען דיא ארויסגע־בער געווען אזוי איינגעגלויבט אין דיא מאגישע ווערטער פון „מעהרווערט", „טויש" און „וואַא־רענקאַפּיטאל", אז זיי האָבען מייסטענס פערגע־סען דעם איינפאכען פערשטאנד פון דעם אונ־געבילדעטען לעזער. איך וויל דאָ נור עראינערען אָן דיא אלט־בעקאנטע בראָשורע פון דיקשטיין „פון וואָס איינער לעבט". איבערהויפט איז עס נאָך מיין מיינונג א פעהלער פון א פּראָפּאגאנדא־שריפט צו וועלען מאכען פון זיך א פּאָפּולערע וויסענשאפטליכע שריפט.

„דער עקאָנאָמישער ליגען" פון נאָרדוי איז א קאפּיטעל פון איין בוך איבער „דיא קאָנווענ־ציאָנעלע ליגען פון דיא קולטור־מענשען, א בוך, וואָס האָט אין זיין צייט געמאכט א גרויסען רושם אין דער וועלט. עס אי זאין עסטרייך פערבאָטען געוואָרען און מיט דעם צעטעל „פער־באָטען אין עסטרייך" האָט מען עס געבאַקט וויא מצה־וואסער. דער אינהאַלט איז ווירקליך געווען זעהר שארף און גלענצענד, ווי ווייט ער איז גע־ווען קריטיש. נאָרדוי האָט א גלאַטע און שפּי־ביגע פעדער, גלענצענד עאיינפעלע און איז אוי־בערפלעכליך געגוג אין זיין שרייבען אום צו גע־בען לייכטען לעזעשטאָף. ער האָט געשריבען וויא ניט א סאָציאליסט צו ניט סאָציאליסטען, און ווען ער האָט צוזאמענגעקליבען דיא רעזול־טאטען פון דיא קריטישע פאָרשונגען פון דיא גרויסע עוואָלוציאָנערען און זיי איבער־געגעבען אין א פליסענדע שפּראַך, איז דאָס בוך שטארק געלעזען געוואָרען, און נאָרדוי איז בעריהמט גע־וואָרען. דאָס איז געווען דאָס בעסטע ווערק, וואָס ער האָט געשאַפען. זייט יענער צייט צייגט זיך מיט יעדער ווייטערער ארבייט פון נאָרדוי א ווייטערער נידערגאנג, ווען ניט אין דער קונסט פון שרייבען, נאָר אין וויסענשאַפטליכען קענען, אין קריטישער פעהיגקייט און אין ברייטקייט פון אנזיכטען.

„דער עקאָנאָמישער ליגען" ענטהאַלט אין זיך א פערשטענדליכע קריטיק פון דער עקאָנאָ־מישער זייט פון אונזער געזעלשאַפט, א קריטיק, וועלכע רעדט צום געזונדען מענשען־פערשטאנד. דער איבערזעצער האָט צו זיינע פיעלע פער־דינסטליכע ארבייטען פאַר דאָס אידישע פאָלק נאָך איינע צוגעלייגט, איבערזעצענדיג דאָס בי־כעלע. אין דער צייט פון פּאָגראָמען אין רוס־לאנד און נאציאָנאַלע בעגייסטערונג צווישען איניגע פאָרטגעשריטענע און עהרליכע סאָציא־ליסטען, איז עס בעזונדערס אנגענעהם בעקאנט צו מאכען דעם לעזער מיט דעם פאקט, אז ר. ראָקער, דער איבערזעצער און רעדאקטאָר פון „ארבייטער פריינד" איז א ג ע ב א ר ע נ ע ר ק ר י ס ט, וועלכער האָט זיך אויסגעלערנט אידיש. דאָס געהערט אָבער גאָר אייגענטליך צום נאציאָנאַלען ליגען... דיא ארויסגאבע פון דעם ביכעל רעדט פיעל פיר זיך. זיא איז גוט גע־

דרוקט און מאכט אן אנגענעהמען איינדרוק. דיא גרופפע „ארבייטער פריינד" האָט יעצט געגעבען דעם אידישען פאָלק א שריפט, מיט וועלכע יעדע פּאַרטיי קען זיך בענוצען און וועלכע וועט זיין איינע פון דיא בעסט־געלעזענע פּראָפּאגאנדא־שריפטען פאר בעסערע פאָרמען פון עקאָנאָמישען לעבען.

מ. לעאָנטיעף.

# דיא צוקונפט צו איהרע ארויסגעבער

אין דאָס זייט איהר לעזער פון דער „צוקונפט".

פיר זיך גיט איהר זיא ארויס, פיר אייער גייסט, מוח און נשמה; איהר האָט זיא אויפגעבויט און אויף אייער גוטען רצון האלט זיא זיך אויף — —

„צוקונפט"־ארויסגעבער, „צוקונפט'ס" אינטעליגענטע פריינד, אייער זשורנאל האָט פיר די לעצטע צייט געמאכט זעהר א שעהנעם פאָרטשריט. צווישען דיא אידישע לעזער, אין אלע שטעדט און שטעדטלאך פון אמעריקא, וואו עס געפינט זיך נאָר א פריינד פון פרייען געדאנק וויסען און אמת'ע ליטעראטור, איז ער, אייער זשורנאל, א גוטער, שעהנער, ליעבער גאַסט... איבער פיער טויזענד נייע פריינדע איז ביי אייער זשורנאל „דיא צוקונפט" צוגעקומען פיר פינף הדשים! אונזער אלעמענס שעהנער טרוים, אז „דיא צוקונפט" אונזערע זאָל אמאָל האָבען א צ ו ק ו נ פ ט, איז יעצט פערווירקליכט געוואָרען!

אָט דיזער מאָראלישער ערפאָלג פון אייער זשורנאל דארף ערוועקען אָן אייך, זיינע פריינדע, זיינע לעזער, זיינע ארויסגעבער פרישען מוטה און פרישען ענטהוזיאזמוס צו ארבייטען פיר זיין וועיטערע פערבעסערונג אין אלע הינזיכטען, וויא דאָס האָט ערוועקט אין אונז, מיטגליעדער פון צוקונפט־פּרעסס־פעדערייישאָן...

מיר ווילען, אז אונזער „צוקונפט" זאָל זיין דער עמוד האש, דער ליכטיגער זייל, וואָס זאָל שיינען און לייכטען אין דער ארומיגער פינסטערער חושך'דיגער נאכט פון אונוויסענהייט, וואָס רינגעלט ארום אונזערע פערשקלאפטע ארבייטער. דיא אויגען עפענען ווילען מיר זיי, דאָס ליכט, דאָס אמת'ע ליכט פון דער שעהנער צוקונפט ווילען מיר זיי ווייזען. דעם מענשגעפיהל, וואָס דיא שווערע שקלאפען־פראצע, דיא געצוואונגענע, פערקויפטע ארבייט האָט פערטעמפט, ווילען מיר אין זיי אויפוועקען... זייער אָפּגעשוואכטע, פערשלאָפענע דענקונגסקראפט ווילען מיר אין זיי אויפמינטערען... דערצו מוזען מיר האָבען די בעסטע ליטעראטען, וואָס זאָלען טהאָן דיזע שעהנע ארבייט. נון, די בעסטע שרייבער פון אמעריקא האָט דיא „צוקונפט". מיר ווילען אָבער אויך האָבען דיא בעסטע שרייבער פון רוסלאנד אין אונזער זשורנאל.

מיר האָבען ארויסגעשיקט איינלאדונגען צו אלע בעסטע שרייבער פון רוסלאנד און מיר האָפען צו קריגען פון זיי אין קורצען ליטעראטור.

דערצו אָבער מוז מען האָבען מיטלען, נייע מיטלען, מעהר געלד..

דאָס צו שאפען האָט אייער זשורנאל א'ן עקסקוירשאָן אויף'ן שעהנעם האָדסאָן ריווער, שבת, דעם 25טען יוני.

פריינד פון דער „צוקונפט" אין אייערע הענד ליעגט יעצט דיא מעגליכקייט, אז איהר זאָלט ווירקליך קענען שפּעטער שטאָלצירען מיט אייער זשורנאל! לעזער פון דער „צוקונפט". איהר פאָהרט דאָך אמאָל אויף א פרעמדען עקסקוירשאָן, פערגעסט־זשע ניט אייער אייגענעם עקסקוירשאָן! ארויסגעבער פון דער „צוקונפט", זאָלען מיר זיך אלע זעהן דעם 25טען יוני אויף דעם עקסקוירשאָן פון אונזער זשורנאל און אויף דיא בלויע כוואליעס פון דעם שעהנעם האָדסאָן, דורכפאָהרענדיג דיא שעהנע הויכע גרינע בערג, אונטער דיא אקאָמפּאנימענט פון מוזיק, זאָלען מיר ריידען פון אונזער שעהנער „צוקונפט".

מיט גרוס,

„צוקונפט־פּרעסס־פעדערייישאָן".

מיט דאנק פערעפענטליכען מיר דיא נעמען פון אָרגאַנִיזאציאָנען און פּריוואט־פּערזאָנען וואס האָבען איינגעצאָהלט אויף שערס און עס איז נאָך ביז איצט ניט פערעפענטליכט געוואָרען.

מיר בעטען: ווער עס וועט ניט געפינען זיין נאָמען אין פאָריגע און אויך ניט אין דיזע ליסטע פערעפענטליכט, זאָל אָנצייגען אין אָפיס פון „צוקונפט“.

| | שערס געקויפט | קעש איינגעצאָהלט |
|---|---|---|
| ארב. רינג בר. 11, ברוקלין | 1 | $5.00 |
| ארב. רינג, בר. 26, וואָטערבורי | 1 | 1.00 |
| ארב. רינג, בר. 20 ניו יאָרק | 1 | 5.00 |
| אר. רינג, בר. 28 ניו יאָרק | 1 | 5.00 |
| א. ר. בר. 34 ספרינגפילד, מאסס. | 1 | 1.00 |
| א. ר. בר. 36 טשעלסיע, מאסס. | 1 | 5.00 |
| אר. רינג, בר. 37 ניו יאָרק | 2 | 2.00 |
| אר. רינג בר. 45 פיטסבורג | 1 | 5.00 |
| ארב. אונ. פעראיין, פראָווידענס | 5 | 25.00 |
| פיינטער דעקאָרייטאָרס נוארק | 1 | 5.00 |
| בעקער יוניאָן, נוארק | 1 | 5.00 |
| בעקער יוניאָן לאָקאל 334 פיטסבורג | | |
| | 1 | 5.00 |
| „בונד“ ברענטש באָסטאָן | 2 | 10.00 |
| קארפענטער לאָקאל 954 באָסטאָן | 1 | 5.00 |
| פענטס מייקער לאָק. 173 | 1 | 5.00 |
| וועסט מייקער לאָק. 23 | 1 | 5.00 |
| בעקער יוניאָן לאָק. 45 | 1 | 5.00 |
| יונ. ג. וו. קאָסטום טיילאָרס לאָק. 223 | | |
| | 1 | 2.00 |
| עד. אליאנס, לינן, מאסס. | 1 | 5.00 |
| אָוועראָל מייק. יוניאָן לאָק. 144 פילאד. | | |
| | 1 | 5.00 |
| וועסט מייק. לאָק. 70 פילאד. | 1 | 5.00 |
| סיגאר מייקער יוניאָן, מיוטשעל אייד, | | |
| ניו יאָרק | 1 | 5.00 |
| ארבייטערינגען בר. 21 ס. ד. פ. | 2 | 2.00 |
| „בונד“ ברענטש שיקאגאָ | 1 | 1.00 |
| סאָצ. פראָפאגאנדא קלאָב, באלטימאָרע | | |
| | 1 | 1.00 |
| פראָג. וואָרקינגמען ניו יאָרק | 2 | 10.00 |
| סאָשאליסט ליטערארי סאָסייעטי, פיטסבורג, | | |
| | 1 | 2.00 |
| ס. שויארץ, ברוקלין | 5 | 25.00 |
| ל. בלום, ברוקלין | 1 | 5.00 |

| | שערס געקויפט | קעש איינגעצאָהלט |
|---|---|---|
| ב. בקליאר, ברוקלין | 1 | 5.00 |
| ס. סווינטאָן, ברוקלין | 1 | 5.00 |
| אב. בערמאן, ברוקלין | 1 | 5.00 |
| ס. פייערשטיין, ברוקלין | 1 | 5.00 |
| ס. קויפמאן, בריקלין | 1 | 5.00 |
| דר. מ. א. קאָהן, ברוקלין | 1 | 5.00 |
| י. גינזבורג, ברוקלין. | 1 | 5.00 |
| א. מ. ליפּאָווסקי, ברוקלין | 1 | 5.00 |
| אב. הארקאווי, ברוקלין | 1 | 5.00 |
| א. שליקערמאן, בריקלין | 1 | 5.00 |
| י. ביימאן, סיטי | 1 | 5.00 |
| נ. ה. זיידמאן, ברוקלין | 1 | 5.00 |
| דר. נ. קאין, ברוקלין | 1 | 5.00 |
| דר. י. קייפמאן, ברוקלין | 1 | 5.00 |
| מ. ראבינאָוויטש, ברוקלין | 1 | 5.00 |
| ס. באלזאם, סיטי | 1 | 5.00 |
| ל. שלאקמאן, מאָנטרעאָל, קענעדע | 1 | 5.00 |
| י. ליעבליך, הארטפאָרד, קאנג. | 1 | 5.00 |
| י. בראנוויין, הארטפאָרד | 1 | 5.00 |
| דר. בוטה, סיטי | 1 | 5.00 |
| דר. י. הילל, ניו יאָרק | 1 | 5.00 |
| וו. ראָזען, איסט ארענדזש, נ. דזש. | 1 | 5.00 |
| וו. ליטמאן, פעטערסאָן | 1 | 2.50 |
| י. שיינמאן, באָסטאָן | 1 | 2.00 |
| מ. שערמאן, פראָווידענס | 1 | 2.00 |
| ל. פאז, סיטי | 1 | 1.00 |
| אבעל, סיטי | 1 | 1.00 |
| מיס מארקס, סיטי | 1 | 1.00 |
| וו. עדלין, סיטי | 1 | 1.00 |
| ל. סמיטה, סיטי | 1 | 2.00 |
| מ. זיסקינד, סיטי | 1 | 1.00 |
| ל. שווארץ, סיטי | 1 | 1.50 |
| א. גליק, סיטי | 1 | 1.00 |
| י. דיימענדסטאָן, סיטי | 1 | 1.00 |
| א. לעווין, וואָטערבורי | 1 | 1.00 |
| מיס ראָזען, ברוקלין | 1 | 1.00 |
| ל. קורלאנדטשיק, ברוקלין | 1 | 1.00 |
| י. ה. גאָלדשטיין, ברוקלין | 1 | 1.00 |
| י. טאפפ, ברוקלין | 1 | 1.00 |
| י. וואָלטער, מאָונט־ווערנאָן | 1 | 1.00 |
| ל. אשינאָווסקי, נוארק | 1 | 1.00 |
| מ. ליבאָוויטש, נוארק | 1 | 1.00 |
| גרינפעלד, סיטי | 1 | 1.00 |
| מ. ראָבין, בראָקטאָן | 1 | 2.00 |

די צוקונפט

No. 7 (31) JULY 1904 Volume 3

# בראָניסלאוו סלאַווינסקי

אין דעם 50טען נומער פון דעם רוסיש־סאָציאל־דעמאָקראטישען אָרגאן „איסקרא“ און פריהער נאָך אין דעם בערלינער „פאָרווערטס“ איז גע־געווען איבערגעדרוקט א געהיימער בעפעהל פון דעם פעטערבורגער פּאָליציי־דעפּארטמענט, דאטירט דעם 22טען מאי, 1903, און בעצייכענט מיט'ן נאָמער 4896. דיזער בעפעהל איז געווען אדרעסירט צו אלע גענעראל־גובערנאטאָרען, אָבער־פּאָליציי־מייסטער און פּאָליציי־מייסטער, זשאנדארמסקי פּאָלקאָווניקעס און פּאָליציי־קאָמיסארען מיט דער פאָלגענדער אויפפאָרדערונג: „בראָניסלאוו סלאווינסקי און ניקאָלאי קאטשורין, דיא צוויי פּאָליטישע פערברעכער, וועלכע זיינען אנטלאָפען פון דער קאטאָרגע אין דיא לארטשינסקי זילבער־מינען, זאָלען אויסגעזוכט און ארעסטירט ווערען, און אונטער א שטרענגער קאָנאָוואָי זאָלען זיי צוריק אָבגעפיהרט ווערען צו דעם דערמאָנטען פלאץ אין קאטאָרגע“.

וועהרענד דיזער בעפעהל איז געפלויגען איבער דיא טעלעגראפישע דראָטען פון גאנץ רוסלאנד און אזיען, וויא אויך אין אייראָפּא, האָבען דיעזע צוויי גענאָסען, וויא א מאָל יעקב אבינו, געהאט קפיצת הדרך... און געמאכט שנעל זייער רייזע איבער מאנטשוריא, כינא און יאפאן, ביז עס איז זיי ענדליך געלונגען צו קומען צו א זיכערען פלאץ.

* * *

בראָניסלאוו סלאווינסקי איז געוועזען א סטודענט פון נאטור־וויסענשאפטליכען פאקולטעט אין דעם ווארשעווער אוניווערזיטעט. זייענדיג נאָך א סטודענט איז סלאווינסקי געוואָרען א מיטגליד פון דער דאמאָלסדיגער פּאָליטישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאניזאציאָן „פּראָלעטאריאט“. עס האָט נישט לאנג געדויערט, און ער איז געוואָרען איינער פון איהרע לייטענדע גייסטער. דיא אָרגאניזאציאָן „פּראָלעטאריאט“ איז בעגריסט געוואָרען מיט גרויס ענטהוזיאזמוס פון דיא ווארשעווער ארבייטער, וויא אויך פון דיא ארבייטער פון פיעלע אנדערע שטעדט אין רוסיש־פוילען. זיא האָט אויך געהאָלפען דער פארטיי „נאראָדנאיא וואָליא“ אין איהר העלדישען קאמפף געגען דער רוסישער רעגירונג. עס איז אָרגאניזירט געוואָרען א געהיימע פרעססע אין ווארשא. מען האָט אָנגעפיהרט א גרויסע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אגיטאציאָן און פּראָפּאגאנדא צווישען דיא מאסען, — אן ארבייט, וועלכע פערדיענט מיט רעכט אָנגערופען צו ווערען דער גרונד־שטיין, אויף וועלכען עס איז אויסגעוואקסען דיא היינטיגע מעכטיגע סאָציאליסטישע בעוועגונג אין פוילען.

דיא רעגיערונג האָט געמאכט דיא גרעסטע אנשטרענגונגען, אום אריינצוקריגען אין איהרע בעריהע לאפּעס דיא הויפּט־מיטגליעדער פון

דיזער פארטיי, וואָס עס איז איהר אויף ענדליך געלונגען אין יאָהר 1884, ווען זיא האָט פערהאפטעט ניין און צוואנציג מיטגלידער, פון וועלכע פיער, נעמליך: קיניצקי (א טעכנאָלאָג), באָרדאָווסקי (א ריכטער), אָססאָווסקי (א שוכטער) און פעטרושינסקי (א וועבער) זיינען געהאנגען געוואָרען אין ווארשעווער ציטאדעל דעם 28טען יאנואר, 1896. דיא איבריגע זיינען פעראורטיילט געוואָרען אויף קאטאָרגע אין סיביר אויף פערשיעדענע יאָהרען.



בראָניסלאוו סלאווינסקי.

סלאווינסקי'ן איז דאן געלונגען צו אנטלויפען. אין א קורצער צייט ארום איז ער צוריק געקומען קיין ווארשא מיט דעם צוועק זיך צו זעהען מיט דיא איבערגעבליבענע גענאָסען און צו בעראטהען זיך, וויא אם בעסטען פאָרטצוזעטצען ווייטער דיא אָנגעפאנגענע ארבייט. דיא צוויי גענאָסען, מיט וועלכע ער האָט זיך בעדארפט זעהען, זיינען געוועזן: דער גוט־בעקאנטער רעוואָלוציאָנער לודוויג יאנאָוויטש. וועלכער האָט זיך ערשט מיט קנאפּע צוויי יאָהר צוריק דערשאָסען אין סיביר, און אלעקסאנדער דעמבסקי (געפינט זיך יעצט אין ניו יאָרק). וועהרענד זיי זיינען אלע דריי געזעסען אין א קאפּע אויף דיא הראביע (גראף) בערג גאס, זיינען זיי דערקענט געוואָרען פון א שפּיאָן מיט'ן נאָמען הוזארסקי, וועלכער האָט גלייך געבראכט פּאָליציי מיט זשאנדארען. דערזעהענדיג דיא זשאנדארען, האָבען אלע דריי אויגענבליקליך בעשלאָסען טהייער צו פערקויפען זייער פרייהייט און זיי האָבען אָנגעפאנגען צו שיסען פון זייערע רעוואָלווערס. דער שפּיאָן איז געפאלען א צובלוטיגטער אויף דער ערד און אויך איינער פון דיא פּאָליציי איז פערוואונדעט געוואָרען. אין דער מהומה איז סלאווינסקי'ן און דעמבסקי'ן געלונגען צו אנטלויפען. גענ. יאנאָוויטש איז פערהאלטען געוואָרען. מען האָט איהם אוועקגעפיהרט אין ציטאדעל און אריינגעצויגען אין דעם פּראָצעס פון דיא „29“ ארעסטירטע. נאָך לאנגע יאָהרען פון מאטערניכען אין שליסעלבורגער פעסטונג האָט מען

איהם פערשיקט נאָך סאַכאַלין, וואו ער האָט ענדליך געמאַכט א סוף צו זיין לעבען מיט א קויל אין קאָפּ.

סלאַווינסקי איז נאָכדעם אוועק נאָך אויס־לאַנד, וואו ער איז געוואָרען א מיטגליעד פון דער אויסלענדישער סעקציאָן פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאיא וואָליא“, וועלכע האָט דאַן ארויס־געגעבען אין פּאַריז דעם אָרגאַן „דער טעלעגראַף פון דער נאַראָדנאיא וואָליא“. אָבער דער לע־בען אין דער פרעמד, ווייט פון דעם קאַמפּפס־פּלאַץ, האָט נישט געקענט צופרידען שטעלען סלאַווינסקי'ן, און ער האָט בעשלאָסען זיך אָפּ־צוגעבען צו דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדא אין דיא פּוילישע טהיילען פון עסטרייך און פּרייסען. צוזאַמען מיט געג. יאַנישעווסקי, דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישען דעפּוטאַט אין רייכסטאַג, און אנדערע גענאָסען האָט ער אָר־גאַניזירט סאָציאַליסטישע קלובען, גענומען א טהעטיגען אנטהייל אין דער וואַהל־אַגיטאַ־ציאָן, האָט ארומגערייזט אין דיא פערשיעדענע שטעדט און פּראָווינצען און אָבגעהאַלטען עפענטליכע פערזאַמלונגען. דיזע ארבייט האָט אַזוי כּסדר אָנגעהאַלטען ביז דיא ענדע פון דיא 80־ער יאָהרען; דאָס איז געווען אין דער צייט פון דא בעריהמטע ביסמאַרקישע אנטי־סאָציאַ־ליסטען־געזעצע אין דייטשלאַנד, ווען אַזא פּראָפּאַגאַנדא איז געווען פערדעכענט פאַר א פּאָליטישען פערברעכען. אויף דעם גרונד פון דיזע געזעצע האָט מען אין יאָהר 1888 ארעס־טירט סלאַווינסקי'ן מיט נאָך 16 גענאָסען.

דיזער ארעסט איז אויף געפלאַנט געוואָרען מיט דעם געהיימען צוועק סלאַווינסקי'ן איבער־צוגעבען אין דיא הענד פון דער רוסישער רע־גיערונג. דיא דייטשע פּאָליציי האָט זיך שוין געקליבען איבערצוגעבען סלאַווינסקי'ן צו רו־סיישע זשאַנדאַרמען, ווען דיא סאָציאַל־דעמאָ־קראַטען האָבען זיך דערפון דערוואוסט און האָ־בען גענומען אַזוי שטאַרק צו פּראָטעסטירען אין גאַנצען לאַנד, אין דער פּרעסע, אויף פערזאַמ־לונגען און אין פּאַרלאַמענט, דאָס דיא פּרייסישע רעגיערונג האָט געמיזט ערקלערען עפענטליך, אַז זיא וועט איהר ניעדערטרעכטיגען פּלאַן ניט אויספיהרען. דאָך, אום צו טאָן א געפעליג־קייט דער רוסישער רעגירונג, האָט דיא פּאָ־ליציי עקסטרא פאַבריצירט אן אנקלאַגע געגען סלאַווינסקי'ן און נאָך לאַנגע מאַטערניסען אין דיא שרעקליכע דייטשע געפענגניסען פאַר דעם פּראָצעס, האָט מען איהם ענדליך פערוואור־טהיילט אויף צוויי יאָהר און ניין מאָנאַטען שווערע ארבייט אין א געפענגניס און דערנאָך צו פערלאָזען דייטשלאַנד. דיא גאַנצע צייט, וואָס ער איז געזעסען אין געפענגניס, פאַר דעם „משפט“, האָט מען איהם געהאַלטען געשמידט אין קייטען, אונגעאַכטעט אויף זיין אונאויפ־הערליכען און מוטהיגען פּראָטעסט געגען דיזער באַרבאַריי. יעדעס מאָל אָבער, ווען מען האָט איהם געפיהרט צו דעם אונטערזוכונגס־ריכ־טער, האָט מען איהם אויפ'ן וועג בעפרייט פון דיא קייטען, און ווען ער פלעגט זיך פאַר דעם ריכטער בעקלאָגען, ווארום מען האַלט איהם גע־שמידט אין קייטען אין געפענגניס, פלעגען דיא בעאַמטע פון געפענגניס אָבלייקענען זיין קלאַ־גע, אָנצייגענדיג אויף דעם פאַקט, אז ער קומט אימער אין געריכטס־הויז אָהן א סימן פון קיי־טען.

„מיין געפאַנגשאַפט אין דייטשלאַנד, אין „פּלאָטצענזעע“, האָט סלאַווינסקי ערקלערט, „איז געווען דאָס שרעקליכסטע, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין מיין לעבען, און דורכגעמאַכט האָב איך, ברוך השם, א רעכט ביסעל“.

אלס ביטערער צוגאָב צו דיזע ליידען אין „פּלאָטצענזעע“ (דער נאָמען פון דער תּפיסה) איז נאָך געווען דיא אונזיכערהייט וועגען זיין צוקונפט, דיא מעגליכקייט, אז מען וועט איהם דאָך איבערגעבען אין דיא בלוטיגע לאַפּעס פון דער רוסישער רעגיערונג. ער האָט גוט גע־וואוסט, אויף וואָס דיא דייטשע פּאָליציי איז פעהיג, און ער האָט קיין טעות געהאַט אין זיינע טרויעריגע רעכנונגען.

נאכדעם וויא ער איז אויסגעזעסען דיא בעשטימטע צייט אין „פּלאָטצענזעע“, האָט דיא דייטשע רעגיערונג אָהן צערעמאָניעס און שאַנ־דע איהם אוועקגעפיהרט צום רוסישען גרענעץ און אויסגעליפערט צו דיא רוסישע בלוטהינד.

דאָס אלעס איז געווען אָבגעמאַכט נאָך פון פריהער. אויף דער גרענעץ האָט שוין געוואַרט א מחנה זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבען איהם גלייך אָבגעפיהרט אין בעריהמטען וואַרשעווער ציטאַדעל.

פינף לאַנגע און שרעקליכע יאָהרען האָט סלאַווינסקי אָבגע'חשך'ט אין דיזער רוסישער באַסטילע. דער צעטעל פון זיינע חטאים גע־גען דיא רוסישע טיראַניי איז געווען א גאַנץ לאַנגער: זיין טהעטיגקייט איז „פּראָלעטאַר־

יאט״, זיין ענטלויפען, זיין ווידערשטעלען זיך מיט געוועהר אין דער האנד געגען דער פּאָליציי אין קאפּע־הויז, אפילו זיין אגיטאציאָן אין דייטשלאנד האָט מען אויך אריינגענומען אין חשבון. צווישען אנדערעס האָט מען איהם אויך בעשולדיגט אין פערשפּרייטען פּאָליטישע איבערציינונגען, וועלכע זיינען פערבאָטען פון דער רוסישער רעגירונג, און אין אָרגאניזירען א פערשווערונג געגען דעם רוסישען צאר.

נאָך א קורצער געריכטליער טראגי־קאָמעדיע האָט מען איהם פעראורטהיילט צום טויט דורך הענגען.

סטרעלניקאָף, דער פּאָרזיטצענדער פון דיזען געריכט, פאָלגענדיג דעם ביישפּיעל פון זיין ניט וויינינגער גרויזאמען ברודער, וועלכער האָט אין זיין צייט א מאסע מענשען געשיקט צו דער תליה, האָט געשטימט פאר דיזען אורטהייל. נאָר צוויי ריכטער, בעטראכטענדיג דיזען אורטהייל פאר צו־גרויזאם, האָבען געשטימט מען זאָל איהם געבען א לייכטערע שטראָף. סטרעלניקאָף און דער אָבער־פּראָקוראָר האָבען זיך דאן געווענדעט אין פּעטערסבורג צו דער העכסטער אינסטאנץ פון רוסישער גערעכטיגקייט מיט אן ערקלערונג, אז דיא צוויי דערמאָנטע ריכטער האָבען קיין געזעצליכע בערעכטיגונג נישט געהאט צו שטימען פאר אן ערלייכטערונג פון דעם אורטהייל, ווייל דיזער פּריווילעגיום געהערט נור דעם צאר אליין. דער ענטפער, וואָס איז אָנגעקומען פון פּעטערסבורג, האָט געלויטעט, אז דיא צוויי ריכטער זאָל מען ענטלאסען פון זייער אמט און אז מען זאָל נאָך א מאָל אָנפיהרען דעם פּראָצעס געגען סלאָווינסקי׳ן און פעראורטהיילען איהם לויט דעם געזעץ, דאָס הייסט מיט אנדערע ווערטער: צום טוידט.

נאָך א קורצער געריכטליכער טראגי־קאָמעדיע ווידערהאָלט און דער טאָדעס־אורטהייל איז שליסליך געוואָרען אָפיציעל ערקלעהרט פאר געג. סלאָווינסקי׳ן. אום אָבער צו בעווייזען דעם גרויסמוטה פון אלעקסאנדער דעם דריטען, האָט מען דעם אורטהייל געענדערט אויף לעבענסלענגליכע פערהאפטונג אין קאטאָרגע.

סלאָווינסקי האָט נישט געבעטען קיין בעגנאדיגונג. עס איז שווער צו בעגרייפען דיא ליידען, וואָס סלאָווינסקי האָט געפיהלט דורך דער צייט פון דעם ערשטען ביז דעם צווייטען פּראָצעס און שליסליך ביז דער ענדערונג פון אורטהייל, ווען זיין לעבען איז געהאנגען אויף א האָר. אזוי וויא אן אמת׳ער מארטירער, רעדט ער זעהר אונגערן יעצט וועגען זיינע ליידען און שמערצען. ער איז אין אלגעמיין דיא ריינע פערקערפּערונג פון בעשיידענהייט. ווען מען האָט איהם אָבער זעהר דרינגענד געבעטען ער זאָל עטוואָס דערפון דערצעהלען, האָט ער נאָר אזוי פיעל געענטפערט: „ווען מען האָט מיר ענדליך ערקלערט דעם טאָדעס־אורטהייל, האָב איך געפיהלט, אז איך בין ענדליך דאָך גערעטעט. דיא קאָמעדיע פון פּראָצעס, האָב איך זיך געטראכט, האָט דאָך ענדליך אויפגעהערט און דער יוסטיץ־פארס איז פאָראיבער.׳

דער יעניגער, וועלכער איז בעקאנט מיט דעם אמת׳ען כאראקטער פון א פּאָליטישען פּראָצעס אין רוסלאנד, קען אויך בעגרייפען דעם פאקט, אז דער טאָדעס־אורטהייל איז ניט זעלטען ווירקליך א׳ן אמת׳ע ערלייזונג פאר דעם פיזיש און גייסטיג געפּלאָגטען פּאָליטישען פערברעכער.

אונגעאכטעט אָבער אויף אלעם דעם, האָבען דיא אכצעהן יאָהר פון געפענגניסע און קאטאָרגע אויף א האָר ניט געבראָכען דעם ריעזען־גייסט פון בראניסלאוו סלאָווינסקי. ער האָט נאָך אין זאפּאס געהאט גענוג ענערגיע און גייסטיגע קראפט צו מאכען זיין לעצטען און ערפאָלגרייכען פערזוך צו אנטלויפען פון קאטאָרגע, אום זיך ענדליך נאָך א מאָל צו געפינען צווישען זיינע אינטימע קאָמעראדען און פריינדע.

„איך בין ערשט קוים פיער און צוואנציג יאָהר אלט״, האָט ער ניט לאנג צוריק געענטפערט, ווען מען האָט איהם געפרעגט, וויא אלט ער איז יעצט.

אויף דער פראגע, וואָס מיינט ער אייגענטליך דערמיט, האָט ער ערווידערט מיט א שמייכעל:

„איך האָב לגמרי נישט געלעבט דורך דיא גאנצע אכצעהן יאָהר. אזוי, אז איך מוז ערשט ווידער אָנהויבען צו רעכנען פון פיער און צוואנציג יאָהר אָן״.

ווען ער איז אָנגעקומען אין ניו־יאָרק, האָט ער געלעבט אונטער א פרעמדען נאָמען. נאָר עטליכע אינטימע פריינד האָבען געוואוסט, ווער ער איז. נאכהער, ווען מען האָט איהם אויף א פערזאמלונג פון פּוילישע סאָציאליסטען אין ניו־

יא̇רק פא̇רגעשטעלט מיט זיין ריכטיגען נא̇מען, איז ער אויפגענומען געווא̇רען מיט א ריהרענדע בעגייסטערונג. עס איז שווער איבערצוגעבען מיט ווערטער דיא שמחה און דעם ענטהוזיאזמוס פון דיא גענא̇סען, ווען זיי הא̇בען דערזעהען דיזען העלד און קרבן פון רוסיש־פריסישע טיראניי לעבען זיך.

דיא פערזאמלונג הא̇ט זיך זא̇פא̇רט אומגעוואנדעלט אין א יובעלנדען באנקעט. בעגריסונגען, גראטולאציא̇נען און טא̇סטען הא̇בען זיך א̇נגעהויבען צו הערען פון אלע זייטען. ווען א̇בער א יונגער גענא̇סע הא̇ט א̇נגעפאנגען אין פלאם־פייערדיגע ווערטער צו שילדערן און לויבען דיא ארבייט פון גענא̇סע סלא̇ווינסקי, הא̇ט דער לעצטער איהם אונטערבערא̇כען מיט דער ערקלערונג: „קאמעראדען, איהר דארפט גא̇ר נישט ריידען וועגען דעם — וואו עס איז א קאמפף, דא̇רטען מוזען אויך זיין א̇פפער".

* * *

לא̇מיר הא̇פען, אז אונזער העלדישער קאמעראד סלא̇ווינסקי וועט געפינען זיין ריכטיגען פלאץ אין אונזער בעוועגונג דא̇ אין דער נייער וועלט און אז ער וועט נא̇ך לאנג לעבען און זעהען דעם טא̇ג, ווען דער אידעאל, פאר וועלכען ער הא̇ט מקריב געוועזן דיא שעהנסטע צייט פון זיין לעבען, וועט פערווירקליכט ווערן.

סלא̇ווינסקי געפינט זיך יעצט אין שיקאגא̇. ער איז א מיטארבייטער אין „ראבא̇טניק", דער א̇רגאן פון דיא פוילישע סא̇ציאליסטען אין נא̇רד אמעריקא. סלא̇ווינסקי איז אויך א פא̇עט. ער הא̇ט געשריעבען איינינגע זעהר גוטע געדיכטע, וועלכע ווערן היינט דעקלאמירט פון זיינע גייסטיגע קינדער, דיא יונגע פוילישע סא̇ציאליסטען.

ס. פא̇ללא̇ק.

# יצחק בער לעווינזאָהן (ריב"ל)

## און זיין צייט.

II

לעווינזא̇הן הא̇ט חתונה געהאט פריה און געגען זיין ווילען. עס איז א וואונדער, וואס אזא אייפגעקלערטער, לויט יענער צייט, און גוטער מענש, וויא זיין פא̇טער איז געוועזן, הא̇ט איהם געצוואונגען צו א שידוך מיט געוואלד. יעדענפאלס איז דיזער צוואנג געוועזן אן אונגליק פיר לעווינזא̇הנען. זיין פערזענליכער לעבען איז געוועזן א קוואינירטער און אן אויפהערליכע טראגעדיע פון א̇נהויב ביז צום סוף.

זיין פרוי הא̇ט איהם זעהר הייס געליעבט נא̇ר זיא הא̇ט איהם ניט געקענט פערשטעהן. צווישען זיי איז געווא̇רען באלד א בייז לעבען, און איהר האס צו איהם איז דערנא̇ך געווא̇רען אזוי שטארק, אז זיא הא̇ט איהם געווא̇לט פערגיפטען. צום גליק הא̇ט מען לעווינזא̇הנען א̇בגעראטעוועט. ער הא̇ט זיך דאן מיט איהר גע'גט און הא̇ט שוין מעהר קיין מא̇ל ניט חתונה געהאט.

א קורצע צייט נא̇ך'ן גט איז ער געבליבען לעבען אין דער שטעדטעל, וואו זיין פרוי איז געוועזן. ראדזיוויל הא̇ט געהייסען דיא שטעדטעל. ער הא̇ט געמאכט זיין לעבענסמיטעל פון געבען שטונדען. דיא גאנצע שטעדטעל הא̇ט איהם זעהר געשעצט און געאכטעט. א̇בער איהם איז באלד ענג געווא̇רען דיא קליין שטעדטעל. איהם הא̇ט געצויגען אין דער גרויסער, ווייטער וועלט, צו ברייטערע טהעטיגקייט, צו העכערע בילדונג.

אינדערסען איז אונטערגעקומען דער יאָהר 1812 פון דעם רוסיש־פראנצויזישען קריעג. אין ראדזיוויל איז דאן געשטאנען א רוסישער פאָלק. לעווינזאָהן, וועלכער האָט געקענט גוט רוסיש און דייטש, האָט ערוויזען זעהר וויכטיגע דיענסטע דעם מיליטער־פּאָליצמייסטער הירס אין איבערזעצונגען פון שריפטען.

ארביימענדיג אלס איבערזעצער האָט ער אזוי שטאַרק אָנגעשטרענגט זיינע קרעפטען, אז ער איז ארייגעפאלען אין א נערוון־פיבער, פון וועלכען ער האָט זיך ניט געקענט ערהאָלען זיין גאנצען לעבען. ער האָט געמוזט פערלאָזען ראדזיוויל און פאָהרען נאָך בראָד, 8 וויאָרסט פון ראדזיוויל, אום דאָרטען זיך צו קורירען. אָבער ניט דיזער וואונש אליין, דער וואונש צו היילען זיך, האָט געצויגען לעווינזאָהנען נאָך בראָד.

* * *

מיט לעווינזאָהן'ס קומען אין בראָד פאנגט זיך אָן א נייער קאפיטעל אין זיין לעבען. בראָד איז דאמאָלס געוועזען דער מיטעלפונקט פון השכלה אין עסטרייך. דאָרטען זיינען געוועזען דיא גרעסטע אידישע משכילים און געלעהרטע, וויא: קראָכמאל, דער פערפאסער פון דעם בעריהמטען „מורי נבוכי הזמן", דער ניט ווייניגער בעריהמטער סאטיריקער און קעמפער געגען הסידיזמוס יצחק ערטער, דער השכלה קעמפפער יוסף פערל, איינינע פון דיא וויכטיגסטע פערזאָנען ביי אידען אין יענער צייט, ראפּאָפּאָרט, מיזעס, לאנדאו און אנדערע.

לעווינזאָהנען האָט שוין לאנג געצויגען אהין, פונקט וויא א צייט פריהער האָט אלע דענקענדע אידישע יונגע לייט געצויגען נאָך בערלין. קוים האָט ער זיך א ביסעל ערהאָלט אין געזונד, האָט ער זיך אָבגעגעבען מיט לייב און מיט לעבען צו פערפאָלקאָמענען זיך אין בילדונג. דיא בעקאנטשאפט מיט דיזע געבילדעטע מענער האָט אויף איהם געהאט אן אונגעהייערען איינפלוס. איבערהויפּט דיא בעקאנטשאפט מיט קראָכמאל. דאָס איז געוועזען דער גרעסטער דענקער און פילאָזאָף ביי אידען אין יענער צייט. מען האָט איהם גערופען דער גאליציאנער מענדעלסאָהן. אלס דענקער איז ער אָבער געוועזען פיעל טיעפער און פיעלזייטיגער פון מענדעלסאָהנען. זיין בוך „מורה נבוכי הזמן" האָט געמאכט אזא רושם, וויא דעם רמב"ם'ס „מורה נבוכים" מיט 800 יאָהר צוריק. דער צוועק פון דעם בוך איז געוועזען צו געבען דער אידישער יוגענד א פילאָזאָפישען בוך אויף דעם „יודאיזמוס", דאָס הייסט, דיא לעהרע פון דער אידישער רעליגיאָן און קולטור. פונקט וויא דער רמב"ם האָט זיך צוליעב דעמזעלבען צוועק בענוצט מיט דער לעהרע פון דעם גריכישען פילאָזאָף אריסטאָטעלעס, אזוי האָט קראָכמאל ערקלערט דעם יודאיזמוס, לויט דיא לעהרען פון דיא בעריהמטע צוויי פילאָזאָפען, קאנט און העגעל.

זיין ווערק לעזט זיך ניט אזוי לייכט, וויא דיא ווערקע פון מענדעלסאָהן, אָבער עס איז טיעפער און פיעל זייטיגער, בעריהרט דיא וויכטיגסטע פראגען פון דער אידיישער רעליגיאָן, מיהט זיך צו געבען אויף זיי אן ענטפער לויט דער היסטאָריע און דעם געזונדען שכל. יעצט ווערט דיא ביבעל און דער תלמוד, וויא אויך רעליגיאָן אין אלגעמיין, ערקלערט גאנץ אנדערס: דאָס אלעס ווערט קריטיקירט אויס דעם קולטור־היסטאָרישען שטאנדפונקט, און דיא בעלויכטונג איז גאָר אן אנדערע; נאָר צו יענער צייט איז דער מעטאָד, וועלכען קראָכמאל האָט אָנגענומען, אויך געוועזען אן אונגעהייערער שריט פאָרווערטס. דער בוך „מורה נבוכי הזמן" האָט געמאכט א גאנצע איבערקעהרעניש אין דיא מוחות פון דער אידישער יוגענד.

קראָכמאל האָט געהאט אויף דעם יונגען לעווינזאָהנען אן אונגעוועהנליכען איינפלוס. לעווינזאָהן האָט פערבראכט איינינע יאָהר אין בראָד און האָט פיר דער צייט זעהר פיעל ערייכט. ער איז געוועזען דער ליעבלינג פון דיא אלע גענאנטע גאליציאנער משכילים און געלעהרטע.

אינדערסען האָט ער זיך ניט אָבגעגעבען מיט ביכער אליין. אין בראָד איז דאן געוועזען א שטארקע בעוועגונג צו גרינדען שוהלען פיר אידישע קינדער, וואו זיי זאָלען קריגען א ריכטיגע ערציהונג און קענטניס אין ניצליכע וויסענשאפטען און לעבעדיגע שפּראכען. לעווינזאָהן האָט זיך ערוואָרבען זיינע לעבענסמיטעל אלס בוכפיהרער ביי איינעם פון דיא בראָדער גבירים. ער האָט בעשלאָסען צו פערלאָזען זיין קאָמערציעלע בעשעפטיגונג, וועלכע האָט ניט געקענט צופריעדענשטעלען א מענשען מיט אזוינע הויכע גייסטיגע שטרעבונגען, וויא ער, און אָבצוגעבען עקזאמען אויף לעהרער, אום

צו קענען זיין ניצליך פיר דיא אויפקלעהרונג פון זיין פאָלק.

צו דערזעלבער צייט האָט ער פלייסיג געשריבען. ער האָט פערפאַסט איינִיגע זאכען, וועלכע זיינען אריין אין זיינע שפּעטערדיגע ווערקע. אויסער ערקלערונגען פון רעליגיעזע פראגען און פאקטען פון דער אידישער היסטאָריע, האָט ער אויך געשריבען סאטירע געגען דיא חסידים און „גוטע אידען". צו דערזעלבער צייט אָבער האָט ער פערפאַסט א רוסישע גראַמאטיק פיר אידישע קינדער. דאָס ווייזט, אז צווישען דיא טעאָרעטישע געדאנקען איז ביי איהם אויך געווען שטארק דיא שטרעבונג צו ברייננגען פראקטישע נוצען דיא אידישע יונגע לייט אין דערהיים, אין רוסלאנד.

און ווירקליך זעהען מיר, אז לעווינזאָהן זיצט זיך ניט אינגאליציען — כאָטש ער האָט דאָרטען געהאט א קרייז פון דיא געבילדעטסטע אידישע מענער און א ברייטען פעלד פיר טהעטיגקייט; אויך איז ער געווען געשעצט און געאכטעט איבעראל. ער האָט געפיהלט, אז אין דער היים איז ער פיעל נויטיגער. פיעלע בעקאנטע יונגע לייט פון קרעמעניץ און ארומיגע שטעדטלאך, וועלכע ער האָט זייענדיג אין דערהיים געהאָלפען צו בילדען זיך, געוועקט צי־אויפקלעהרונג, האָבען איהם געבעטען ער זאָל קומען צוריק אהיים, וואו דיא צאָהל פון זיינע פריינדע און פערעהרער איז אימער געוואקסען.

און לעווינזאָהן האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין קרעמעניץ.

* * *

מיט זיין קומען צוריק אין קרעמעניץ פאנגט זיך אָן דער דריטער און וויכטיגסטער קאפיטעל אין לעווינזאָהן'ס טהעטיגקייט. אין גאליציען, אין דעם קרייז פון דיא אייראָפּעאישע געבילדעטע אידישע משכילים, וואו דער לעבען האָט געקאָכט אין פערגלייך מיט דעם ענגען, שטיקענדען לעבען אין רוסלאנד, האָט לעווינזאָהן ערוואָרבען פיעל זייטיגע בילדונג. האָט א סך געלעזען און איבערהויפּט אָנגענומען זיך מיט פרייע קרעפטען, מיט קלאָרע, מעכטיגע שטרעבונגען. ער איז געקומען אהיים פול מיט ענערגיע, מיט מוטה און דיא שעהנסטע האָפנונגען, וועלכע האָבען פאָלקאָם הארמאָנירט מיט דיא שטרעבונגען און האָפנונגען פון דיא יונגע משכילים, וואָס זייער צאָהל אין וואָהלין און זיד־רוסלאנד אין אלגעמיין איז שוין געווען א גאנץ היבשע.

לעווינזאָהן האָט זיך גענומען מיט דעם גאנצען פייער פון זיין יונגער נשמה צו דער ארבייט. זיין פּלאַן איז געווען א ברייטער. פון איין זייט האָט ער געשניטען מיט זיין שארפער סאטירע דעם פאנאטיזמוס פון דיא חסידים, וואָס זייער מאכט אין זיד־רוסלאנד איז געווען אזוי שטארק, וויא אויף יענער זייט גרענעץ אין גאליציען. פון דער אנדער זייט האָט ער געוועקט דיא אידישע יוגענד צו בילדונג, צו ניצליכע וויסענשאפט און צו ניצליכע ארבייט אין פשוט'ען זין. צו דערזעלבער צייט האָט לעווינזאָהן פערשטאנען, אז דער וועלען אליין, פון אירענס צד, צו רעפאָרמירען זייער לעבען איז נאָך ווייניג. מען מוז האָבען דיא איינשטימונג און דיא הילפע פון דער רעגיערונג. און ער האָט זיך געשטעלט דיא אויפגאבע צו זיין א מליץ, א שתדלן פיר זיין פאָלק ביי דער רוסישער רעגירונג.

דיא פרוכט פון אלע דיזע שטרעבונגען און אידעען איז געווען לעווינזאָהן'ס ערשטע און גרעסטע ווערק — דער „תעודה" (דאָס הייסט „דיא בעשטימונג"). דאָס איז געווען א הייסע פּראָפּאגאנדא פיר רעפאָרמען אין אלע זייטען פון אידישען לעבען. לעווינזאָהן איז געווען ניט וויא קראָכמאל אָדער מענדעלסאָהן, בלויז א פילאָזאָף, וואָס האָט זיך פערנומען נאָר מיט רעליגיעזע און פילאָזאָפישע פראגען. ער איז געווען א מענש פון פּראקטישען לעבען, א מאן פון קאמפף. און קאמפף האָט מען געדארפט פיהרען געגען דעם אבערגלויבען און פאנאטיזמוס, געגען דיא ענגע טרוקענע סיסטעם פון לערנען אין דיא חדרים און אין דיא ישיבות, געגען דיא איינזייטיגע בעשעפטיגונג בלויז מיט האנדעל און שענקעריי, איבערהויפּט געגען דעם איינגעוואָרצעלטען האס צו יעדע פיזישע ארבייט.

ארויסטרעטען מיט דעם אייגענעם אָטאָריטעט, אָדער אין דעם נאָמען פון גוי'אישע געלעהרטע, מיט בעווייזע פון דעם געזונטען פערשטאנד, איז געווען ווייניג. ביי דעם לעזער, פיר וועלכען לעווינזאָהן האָט געשריבען, דאָט געקענט גילטען נאָר דער אָטאָריטעט פון דיא אמאָליגע אידישע חכמים און פון זייערע הייליגע ספרים. און לעווינזאָהן ברייננט פאקטען און בעווייזע פון דער גאנצער אידישער ליטעראַ־

טור, פון תנ"ך ביז דעם ווילנער גאון, אז דיא גרעסטע מענער אין דער אידישער געשיכטע און ליטעראטור זיינען געוועזן פריינד פון בילדונג און פון עהרליכע ארבייט און פיינד פון אבער־גלויבען און פאנאטיזמוס. יעדער נייער גע־דאנק, וואס ער פרעדיגט, יעדע רעפארם, וואס ער שלאגט פאר אין לעבען, בעשטעטיגט ער מיט ציטאטען פון תלמוד, מדרשים און דיא גאונים, בעפעסטיגט מיט דעם אויטאריטעט פון דיא נביאים, תלמודיסטען און גאונים. איבערהויפט קעמפפט ער פיר לערנען העברעאיש און פיר בעשעפטיגען זיך מיט ערד־ארבייט, וואס מאכט געזונד און קרעפטיג.

אונז קען יעצט פארקומען אונבעגרייפליך: ווארום האט לעווינזאהן געפיהרט אזא שטאר־קע אגיטאציאן פאר דיא העברעאישע שפראכע און ערד־ארבייט? אבער ווער עס ווייס דיא אומשטענדען פון יענער צייט, דעם וועט דאס פארקומען גאנץ נאטירליך. דיא העברעאישע שפראכע, וויא איבערהויפט תנ"ך, איז ביי דיא פאנאטישע אידען געוועזן אזא מין „טרפה", וויא יעצט א פערבאטענער ביכעל, וואס רעדט אויפ'ן קפר. דאס איז איבערגעגאנגען צו אידען פון דיא קאטאליקען, ביי וועלכע, ביז דיא לעצטע יאהרהונדערטע, איז געוועזן פערבאטען צו האל־טען דעם תנ"ך אין הויז, אלס א בוך, וואס פיהרט אראפ פון וועג און מאכט פיר אן אפיקורס. אין ענגלאנד האט מען ערשט אין דער צייט פון שעקספיר ערלויבט צו איבערזע־צען דיא ביבעל אין ענגליש און לעזען זיא פריי. אין דייטשלאנד איז געוועזן דיא ביבעל אין „חרם" ביז לוטהער; אין רוסלאנד האט מען ביז מיט פופציג, זעכציג יאהר צוריק ניט ער־לויבט איבערצוזעצען דעם תנ"ך אין רוסיש און האלטען איהם אין הויז. דיא אורזאכע דערפון איז, וואס דער גייסט, מיט וועלכען דער תנ"ך איז דורכגענומען, איז געוועזן צו שארף פיר דיא פערטויבטע, פערהארטעוועטע מוחות פון דיא קריסטליכע גייסטליכע און צו פריי, צו רע־וואלוציאנער פיר דיא קריסטליכע רעגירונגען. „איוב" און „קהלת" זיינען פול מיט פעסימי־סטישע געדאנקען און מיט סקעפטיציזמוס (ספקות). פיעלע קאפיטלעך פון דיא נביאים זיי־נען פול מיט פרייע געדאנקען, מיט האס געגען אונטערדריקער און ליעבע צו דיא אונטערדריק־טע. דאס אלעס איז אים שטאנדע צו וועקען דעם גייסט און מאכען איהם קריטיקירען. דע־ריבער האט זיך דאס ניט געלוינט פאר דיא קריסטליכע רעגירונגען, וועלכע האבען פון דיא ערשטע צייטען ביז יעצט זיך געשטיצט אויף שקלאפעריי און דונקעלהייט פון דיא מאסען. אויך פיר זייערע העלפער און געצייג — דיא גייסטליכע, — איז געוועזן געפעהרליך, אז דער פשוט'ער המון זאל אנהויבען צו קריטיקירען. דיא ווירקליכקייט האט געוויזען ניט איין מאל, אז זייער מורא איז ניט געוועזן אומזיסט. ניט נאר דיא פוריטאנער, לוטעראנער און קאלוויני־סטען, כמעט אלע סעקטען, וואס האבען געהאט וועלכע ס'איז פראגרעסיווע שטרעבונג, שטאף פיר זייער „אפקורסות" אין תנ"ך און ניט נאר גייסטיגע, זאגאר פאליטישע רעוואָ־לוציאנען האבען אפט געהאט צו פערדאנקען דער ביבעל.

וואס אנבעלאנגט דער ערוואכונג פון דעם אידישען גייסט, האט דיזע ערוואכונג אין גאנ־צען צו פערדאנקען דעם תנ"ך און דער העברע־אישער שפראכע. דער תנ"ך און דיא העברע־אישע שפראכע אין אלגעמיין זיינען אין יענער השכלה־פעריאדע געוועזן דיא ערשטע פערמיט־לער צווישען דער אידישער יוגענד און דער אייראפעאישער ציוויליזאציאן. ווען אין העב־רעאיש האט מען נאך ניט געקענט בעקאנט ווערען מיט דיא גרויסע דענקער פון דער ניט־אידישער וועלט, האט מען דאך אין דיזער שפראך, וועניגסטענס, געקענט לעזען און שטו־דירען דיא אידישע דענקער און געלעהרטע, וועלכע האבען געוועקט דעם גייסט און געריסען איהם צו ליכט.

דעריבער איז מענדעלסאהן'ס גרויסע רע־פארמאטארישע בעדייטונג בעשטאנען אין דעם, וואס ער און זיינע תלמידים האבען געגעבען פיר אידען אן איינפאכע און קלארע איבערזעצונג פון תנ"ך אין דייטש און א פירוש, וואס האט געגעבען צו ערקלערען דעם פשוט'ען זין פון'ם פסוק. דערמיט האט ער איין מאל פיר אלע מאל אראבגעצויגען דעם אידענס גייסט פון דיא דונקעלע וואלקענס אויף דער פשוט'ער ערד. און אין דעם איז בעשטאנען אויך דער גרויסער פערדיענסט פון לעווינזאהנען, וועלכער איז געגאנגען, וויא מיר וועלען ווייטער זעהען, פיעל ווייטער פון מענדעלסאהנען.

דער צווייטער וויכטיגער פונקט פון דעם „תעודה" איז דער הייסער אויפרוף צו אידען, זיי זאלען זיך בעשעפטיגען מיט ערד־ארבייט.

אונז שיינט איצטער נאאיוו אזא אויפרוף צו אידען, ווען מיר זעהען, אז דיא רוסישע רעגירונג מיהט זיך מיט אלע קרעפטען צו האלטען דאָס אידישע פאָלק ווייט פון דאָרף און פון דער פרייער נאטור. אָבער אין יענער צייט איז דאָס געווען גאנץ נאטירליך. אידען, און איבערהויפּט דיא אידישע יוגענד, האָבען ,וויא מיר האָבען שוין פריהער ערקלערט ,פיעל געהאָפּט פון דער רוסישער רעגיערונג. דיא האָפנונגען זיינען געווען ניט אָהן א גרונד. אלעקסאנדער דער ערשטער האָט אידען בעהאנדעלט מילדער פון אלע רוסישע קיסרים פאר איהם און נאָך איהם. דיא רוסישע אידען האָבען דאן אויף איהם געקוקט, וויא א מאָל אין דער צייט פון שיבת בבל האָבען דיא אידען געקוקט אויף כורש מלך פרס. לעווינזאָהן, וועלכער איז געווען א טיעפער קענער פון זיין פאָלק'ס פערגאנגענהייט און האָט גוט געוואוסט דיא אומשטענדען פון זייער געגענווערטיגען לעבען, האָט פערשטאנען, אז אָהן א רעפאָרם אין זייער עקאָנאָמישען און פיזישען לעבען קען ניט האָבען א בעדייטונג קיין רעפאָרם אין זייער גייסטיגען לעבען. אום אידען זאָלען ווערען וויעדער א געזונדע, א קרעפטיגע פאָלק און זיין רעספּעקטירט פון אנדערע נאציאָנען, דארפען זיי זיך אומקעהרען צו א געזונדען לעבען נאָהענט צו דער נאטור. אזוי האָט לעווינזאָהן געדענקט. דיא בעסטע, דיא גליקליכסטע מאָמענטען אין דער אידישער געשיכטע זיינען געווען יענע, ווען דאָס אידישע פאָלק האָט געלעבט ביי דער ערד און פון דער ערד. דיא גרעסטע אידישע מענער אין אמאָליגע צייטען זיינען געווען פאסטוכער, ערד־ארבייטער און בעלי מלאכות. אידען זיינען געוואָרען א האנדעלס־פאָלק דורך צוואנג. נאָר דיא אונטערדריקונג און פעראכטונג האָט זיי געמאכט פיר פּראָצענטניקעס און שענקער.

לעווינזאָהן האָט אויפגעוויזען פון תנ"ך און פון דער גמרא און דיא שפּעטערדיגע ספרים, אז דיא אידישע רעליגיאָן איז געגען האנדעל און ווייזט דעם גרעסטען רעספּעקט צו קערפּערליכע ארבייט און איבערהויפּט צו ערד־ארבייט. אזעלכע בעווייזע, אזא אָרט אגיטאציאָן זיינען דאמאָלס געווען נויטיג, ווייל אידען האָבען דאן ווירקליך געהאט א שטארקע אבערגלויבישע אבנייגונגען געגען יעדע קערפּערליכע ארבייט.

אויסער דער אגיטאציאָן פיר דיא העברעאישע שפּראך און ערד־ארבייט האָט לעווינזאָהן געפּרעדיגט דיא נויטווענדיגקייט פון בילדונג אין אלגעמיין, פון רעספּעקט און ברידערליכקייט צו אנדערע פעלקער. זיין שפּראכע איז געווען הייס, פון הארצען און צו דערזעלבער צייט איינפאך, קלאָר און רוהיג. דאָס איז געווען ממש דיא שפּראך פון א נביא.

מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט לענגער אויף לעווינזאָהן'ס ערשטע ווערק דעם „תעודה", ווייל דאָס איז זיין גרעסטע ווערק, מיט וועלכען ער האָט געהאט אזא אונגעהייערען איינפלוס אויף דער אידישער יוגענד פון זיין צייט. מען דארף וויסען דיא בעדינגונגען פון דעם אידישען לעבען אין יענער צייט, אום צו פערשטעהען דיא טיעפע בעדייטונג פון דיזען בוך. דער ווערט פון דעם בוך בעשטעהט הויפּטזעכליך אין דעם, וואָס ער ענטהאלט ניט פראזען, שעהנע געדאנקען גלאט אין דער וועלט אריין, נאָר ערקלערונגען, וואָס זיינען בעשטעטיגט מיט פאקטען פון דער אידישער געשיכטע און פון אידישען לעבען, געשריבען פון א מענשען, וואָס האָט גוט געוואוסט דיזע געשיכטע און דיזען לעבען.

קוים איז דער אינהאלט פון דעם בוך בעקאנט געוואָרען אין קרעמעניץ, האָט דער פערפאסער אָנגעפאנגען צו ליידען שרעקליכע רדיפות פון דיא שטעדטעלדיגע פאנאטיקער. לעווינזאָהן האָט געמוזט אוועק פון דאָרטען. ער האָט געקראָגען א שטעלע פון א לעהרער אין בערדיטשעוו ביי א גביר אין הויז. ער איז געווען צופריעדען פון דער געלעגענהייט, ווייל בערדיטשעוו איז געווען דער מיטעלפּונקט פון דער אידישער בעפעלקערונג אין זיד־רוסלאנד, אזוי וויא ווילנא איז דער מיטעלפּונקט פון ליטא. דאָ האָט ער פיר זיך געהאט א גרעסערען פעלד צו ארבייטען, וויא ביי זיך אין שטעדטעל, וואָרים לעווינזאָהן איז געווען ניט בלויז א קעמפּפער מיט דער פען. ער האָט צו דער זעלבער צייט געארבייט פּראקטיש. ער האָט אָרגאניזירט חברות פון יונגע לייט, וועלכע ער האָט געלערנט און געגעבען עצות, וויא אזוי זיך צו בילדען. דיזע חברות, וואָס האָבען זיך גערופען „פריינדע פון דער השכלה", האָבען זיך ביסלעכווייז פערשפּרייט איבער גאנץ וואָהלין און ליטא. דאָס זיינען געווען בעהאלטענע, „אונטער־אירדישע" אָרגאניזאציאָנען, אזוי וויא

יעצט די רעוואָלוציאָנערע פעראיינען. דער אונטערשיעד פון יענע און ד י א איז דער, וואָס ד י ז ע בעהאַלטען זיך פון דער רעגירונג, וועה־רענד יענע האָבען זיך בעהאַלטען פון די פאַ־נאַטיקער; גאַנץ אָפט פון אייגענע עלטערן, ברידער און שוועסטער.

באַלד אָבער איז לעווינזאָהנען געוואָרען אויך אין בערדיטשעוו צו ענג. ער האָט גע־וואָלט האָבען א ברייטערן קרייז, איממער א ווייטערען באָדען. און ער האָט אָנגעהויבען אומצופאָהרען איבער זיד־רוסלאַנד פון איין שטעדטעל אין דער אנדערער. אומעטום האָט איהם די יוגענד בעגעגענט מיט גרויס בע־גייסטערונג און פריידע; אומעטום האָט ער גע־לאָזען א שטאַרקען שפּור.

דאן האָט ער שוין געהאַט א שם זאָגאר אין דער קריסטליכער וועלט. וואַנדערענדיג איבער זיד־רוסלאַנד האָט ער זיך בעגעגענט מיט דעם פעלדמאַרשאַל, קניאַז וויטהענשטיין, וועלכער האָט פיעל געהערט פון איהם.. ער האָט איינ־געלאַדען לעווינזאָהנען צו זיך אין הויף לעבען קאַמענקא, א שטעדטעל אין זיד־רוסלאַנד, און האָט איהם אָבגעהאַלטען ביי זיך א גאַנצען זו־מער. ער האָט זעהר ליעב געהאַט צו פער־ברענגען מיט לעווינזאָהנען און פרעגען איהם עצות.

נאָר דיזער וואַנדער־לעבען האָט ניט פיעל געדויערט. די גייסטיגע און קערפּערליכע אנ־שטרענגונג און דער אַרומפאָהרען האָבען גע־ווירקט שלעכט אויף לעווינזאָהן'ס שוואַכען גע־זונד און ער האָט זיך אומגעקעהרט איבער א נייעם אין קרעמעניץ און איז שוין דאָרטען פער־בליבען ביז צום ענדע פון זיין לעבען.

* * *

אין דער היים איז לעווינזאָהן קראַנק גע־וואָרען. צוועלף יאָהר האָט איהם זיין קראַנק־הייט געהאַלטען צוגעשמידט צום בעט. נאָר די קערפּערליכע ליידען האָבען ניט אָבגעשוואַכט זיין גייסט. ליגענדיג אָדער זיצענדיג אין בעט, האָט ער ניט אויפגעהערט צו לעזען און צו לער־נען. לעווינזאָהן אליין זאָגט, אז ער האָט אין זיין גאַנצען לעבען אזוי שטאַרק ניט געאַרבייט, וויא אין די צוועלף יאָהר פון זיין קראַנק־הייט. עס האָט געשיינט, אז נאָר דער גייסט אליין האָט אין איהם געלעבט. פאַר דיזע 12 יאָהר האָט לעווינזאָהן פאָלקאָם ערלערנט אלטע שפּראַכען: אַראַביש, סיריש, כאַלדע־איש, לאַטיין, און איז געוועזן אים שטאַנדע צו לעזען פריי די אלטע גריכישע שרייבער אין אָריגינאַל.

אין מיטען פון דיזע ליידען האָט לעווינזאָהן מיט דער הילף פון זיינע פריינד געדרוקט דעם „התעודה" און אָנגעהויבען זיין צווייטע גרויסע ווערק „בית יהודה". מיט דיזען ווערק האָט לע־ווינזאָהן געגעבען אן ענטפער דער רוסישער רע־גירונג אויף א גאַנצע רייהע פראַגען, וואָס דער מיניסטער פון פאָלקס־בילדונג, ליוועז, האָט איהם געשטעלט. לעווינזאָהן איז שוין לאַנג גע־ווען בעוואוסט דער רעגירונג. נאָר בעקאַנט ווערענדיג מיט דעם אינהאַלט פון דעם „תעודה", וואָס ער האָט צוגעשיקט דער רעגירונג אין מאַנוסקריפּט, האָט דיזע בעקומען נאָך מעהר אכטונג צו דעם געלעהרטען אידען. לע־ווינזאָהן האָט בעקומען א מתנה פון טויזענד רובעל און אין קורצע צייט אַרום האָט ער ער־האַלטען א צעטעל מיט שאלות, אויף וועלכע דער מיניסטער האָט איהם געבעטען געבען אן אַנטוואָרט.

דיזע שאלות זיינען זעהר אינטערעסאַנט, ווייל זיי ווייזען, וויא אזוי די רוסישע רעגי־רונג האָט דאן געקוקט אויף אידען און אויף די אידישע רעליגיאָן. מיר וועלען בריינגען די וויכטיגסטע פון זיי:

וואָס איז אזוינס דער תלמוד? ווער האָט איהם פערפאַסט? ווען, וואו און אויף וועלכער שפּראַכע איז ער פערפאַסט? צו האָבען אידען אנדערע ביכער, וועלכע זיינען ביי זיי אזוי היי־ליג וויא דער תלמוד? צו איז דאָ אין תלמוד עפּעס א זאַך, וואָס שטימט מיט'ן געזונדען פער־שטאַנד? מען זאָגט, אז ער איז פול מיט נאַ־רישע, אבערגלויבישע באָבע־מעשיות און משלים. וויא אזוי האָבען זיך ערלויבט די תלמודיסטען אראָבנעהמען און צוגעבען אין דער תורה? — עס שטעהט דאָך בפירוש: „איהר זאָלט ניט אראָבנעהמען און זאָלט ניט צולייגען?" צו וועלכען צוועק דינען די מאַסען דינים און מנהגים, וואָס פערנעהמען נאָר די נויטיגע צייט צום ארבייטען? איז דאָס אמת, אז די אידען קומען אַרויס פון יענע „פּרושים", וואָס קריסטוס האָט זיי געזידעלט פאַר זייער פאַלש־קייט און אבערגלויבען? איז דאָס אמת, אז דער תלמוד פערבאָט אידען צו לערנען פרעמדע שפּראַכען, שטודירען וויסענשאַפטען, בעשעפ־טיגען זיך מיט ערד־ארבייט? וואָס איז דאָר

אזוינס הסידיזמוס, און ווער איז דער גרינדער פון דיזער לעהרע? צו איז דאָ ביי אידען שוהלען און וויסענשאַפטליכע ביכער? וויא פערהאַלט זיך צו זיי דער המון? צו איז דאָ א האָפנונג אויסצובעסערען אין וואָס עס איז דיא אידען אין מיט וואָס פיר א מיטלען? וואָס פיר א משיח ערוואַרטען דיא אידען? איז דאָס אמת, אז דיא אידען האָפען, אז ווען משיח וועט קומען, וועלען זיי הערשען איבער דער גאנצער וועלט און אנדערע גלויביגע וועלען ניט האָבען קיין עולם הבא? וויא קען מען צונעהמען א אידען אין א קריסטליכע געזעלשאַפט און געבען איהם גלייכע בירגער־רעכטע, ווען ער ווייכט אימער פון קריסטען און קימערט זיך ניט וועגען דעם לאַנד, וואו ער וואָהנט?

וויא נאַריש, וויא זאָנדערבאר אונז קלינגען ניט יעצט אזעלכע שאלות, דאָס זיינען אָבער געווען שאלות פון דער רוסישער רעגירונג. אין זיי האָט זיך אויסגעדריקט דיא מיינונג, וואָס דיא רוסישע רעגירונג האָט געהאַט וועגען אידען, און אָן דיזער מיינונג הענגט אָב איהר פּאָליטיק צום אידישען פאָלק. אָב׳פּטר׳ן דיא שאלות מיט קורצע תשובות איז אלזאָ געווען אונמעגליך פיר לעווינזאָהנען. ער האָט געענטפערט דעם מיניסטער אויף געוויסע פראַגען. וואָס אנבעלאַנגט אנדערע פראַגען, האָט ער איהם אָנגעוויזען אויף זיין בוך דעם „תעודה“. אין אלגעמיין אָבער און גרינדליך האָט ער פערשפּראָכען צו ענטפערן אויף אלע דיזע פראַגען מיט א ספּעציעלע ווערק.

דער בוך, אין וועלכען לעווינזאָהן האָט געענטפערט אויף דער רעגירונגס פראַגען, איז געווען דער „בית יהודה“. דאָס איז א פילאָזאָפישע ערקלערונג פון דער אידישער רעליגיאָן צוזאַמען מיט א קורצען איבערבליק אויף דער אידישער געשיכטע. דער בוך האָט ניט נאָר געהאַט א גרויסע בעדייטונג מיט דעם, וואָס ער האָט געגעבען דער רעגירונג א ריכטיגען בליק אויף דעם אידישען פאָלק, ער האָט אויך געהאַט אַן אונגעהייערען ווערט פיר דיא אידישע יונגע לייט. מען דאַרף ניט פערגעסען, אז דאָס רוב פון דיא משכילים אין יענער צייט זיינען געווען ישיבה־לייט, קלויזניקעס און איבערהויפּט לערנער, וועלכע האָבען געגלויבט, אז אי דיא תורה אי דיא גמרא איז אראָנטערגעלאָזען געוואָרען פון הימעל אויף׳ן בארג סיני. אין ליליענבלום׳ס „חטאות נעורים“ זעהען מיר וואָס פאר א מוראדיגע איבערראַשונג אויף איהם האָט געמאַכט דער ספר „בית יהודה“ דערמיט, וואָס ער האָט אין דיזען בוך צום ערשטען מאָל דערוואויסט זיך, אז דער תלמוד איז ניט „הימליש“, אז ער איז פשוט געשאַפען געוואָרען פון מענשען און פון פערשיעדענע מענשען אין פערשיעדענע צייטען. דער „בית יהודה“ האָט אלזאָ, וויא דער „תעודה“ געמאַכט א גרויסען רושם אויף דער אידישער יוגענד און שטארק מיטגעהאָלפען דער רעוואָלוציאָן אין זייערע מוחות.

לעווינזאָהן האָט זיך אָבער אויך דאָ ניט בעגנוגענט בלויז מיט טעאָרעטישע פראַגען. אזוי וויא דער „תעודה“, אזוי האָט אויך דיזער בוך געציעלט דער עיקר צו וועקען דעם אידישען גייסט צו בילדונג. און אם ענדע פון בוך האָט ער אָנגעגעבען א פּראָיעקט, וויא אזוי צו בויען אין ווארשא, ווילנא, אדעס און בערדיטשעוו — דיא מיטעלפּונקטען פון דער אידישער בעפעלקערונג — ראבינער־שוהלען, אזוי וויא אין אויסלאַנד, און אין אלע אידישע שטעדט און שטעדטלאך צו עפענען מיטעלע און נידריגערע שוהלען, פערניכטען דיא חדרים און אויך גרינדען שוהלען פיר פערשיעדענע מלאכות און ספּעציעל פיר ערד־ארבייט.

אויסער דיזע צוויי ווערקע, דורך וועלכע לעווינזאָהן האָט זיך בעריהמט געמאַכט אלס רעפאָרמאַטאָר, האָט לעווינזאָהן אָנגעשריעבען צוויי אנדערע וויכטיגע ביכער, וועלכע האָבען אויך געהאַט א גרויסע בעדייטונג, אָבער פון אַן אנדער זייט. דיזע ביכער הייסען „זרובבל“ און „אפס דמים“. אין דיזע ביידע ווערקע טרעט ארויס לעווינזאָהן ניט אלס רעפאָרמאַטאָר, נאָר אלס פערטהיידיגער פון אידישען פאָלק און פון תלמוד. דער „זרובבל“ איז א׳ן ענטפער א געוויסען מיסיאָנער, וואָס האָט אָנגעמאַכט א גרויסען רעש איבער גאנץ אייראָפּא מיט זיין בוך „נתיבות עולם“. דער בוך איז געווען א פּאַסקוויל אויף׳ן תלמוד און אויף׳ן גאנצען אידישען פאָלק. און ווייל דער פערפאַססער האָט ווירקליך געקענט לעזען דעם תלמוד און האָט געבראַכט פון איהם און פון אנדערע אידישע ספרים ארויסגעריסענע פראַזען און שורות, וועלכע האָבען פיר דעם אויבערפלעכליכען לעזער בעשטעטיגט זיינע בעשטעטיגונגען, האָט דער בוך געקענט זיין געפעהרליך. דער בוך האָט דערגרייכט צו דער רוסישער רעגירונג

און אין די רעגיערונגס־קרייזען האָט מען געקוקט אויף איהם, וויא אויף א'ן אויטאָריטעט. איינער פון דיא הויכע פענסטער האָט צוגעשיקט לעווינזאָהנען דעם בוך און געבעטען איהם ער זאָל אויף איהם ענטפערן. דער ענטפער איז געוועזען דער „זריבבל“, אויף וועלכען לעווינזאָהן האָט געארבייט יאָהרענלאַנג.

אין דעם „זרובבל“ האָט לעווינזאָהן אויפגעוויעזען, אז דער פערפאסער פון'ם „נתיבות עולם“ איז ניט פעהיג אריינצוקוקען אין דיא היסטאָרישע און אנדערע אורזאכען וואָס האָבען געשאפען דעם תלמוד און קוקט אויף איהם בלויז, וויא א מיסיאָנער. לעווינזאָהן האָט אויפגעוויעזען דיא פאלשקייט פון יענעם'ס בעהויפטונגען און ערקלערט דעם ריכטיגען זינן פין דיא פלעצער, וואָס דער מיסיאָנער ברענגט צו בעשולדיגען דעם תלמוד און דאָס אידישע פאָלק. ליידער איז ער „זרובבל“ געדרוקט געוואָרען ערשט א צייט נאָך לעווינזאָהן'ס טויט.

דעם בוך „אפס דמים“ (ניטאָ קיין בלוט!) האָט ארויסגערופען א פאסירונג, וועלכע איז ניט קיין זעלטענהייט אין דער געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק און וועלכע האָט ארויפגעוואָרפען א שרעק אויף אלע רוסישע אידען. דאָס איז געוועזען א בלוט־בלבול אין זאסלאוו, א שטעדטיל אין וואָהלינער גובערניע. פיעלע אידען זיינען ארעסטירט געוואָרען. דיא רוסישע מאסען זיינען געוועזען אויפגערייצט, און אין פיעל שטעדט און שטעדטלאך זיינען דיא אידען געוועזען אין געפאהר. דאן האָט מען זיך געווענדעט פון אלע זייטען צו לעווענזאָהנען און געבעטען, ער זאָל אָנשרייבען א בוך, מיט וועלכען ער זאָל אויפוויזען דער רעגיערונג דיא אונזיננינגקייט פון דיא בלוט־בלבולים.

לעווינזאָהן האָט זיך גערן אָבגערופען און האָט זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט, אום צו העלפען זיינע ברידער. דיא רבנים און גבירים האָבען צוגעזאָגט שטיצע אום ארויסצוגעבען דעם בוך, אויך העלפען איהם בשעת ער וועט איהם שרייבען. אָבער קוים איז דער ערשטער שרעק פון דער סכנה אריבער, האָבען דיא גבירים און דיא רבנים פערגעסען אָן דעם אָרימען פערפאסער, וועלכער האָט געהאָרעוועט טאָג און נאכט איבער דיזען ווערק. ער האָט געליטען הונגער און נויט, נאָר געארבייט מיט אלע זיינע קרעפטען. ער האָט זיין ווערק דאָך געענדיגט און מיט פיעל מארטערנים איז איהם געלונגען צו דרוקען עס. מיט אייניגע יאָהר שפעטער, ווען עס איז אויסגעבראָכען דער בעריהמטער בלוט־בלבול אין דמשק (אין דעם יאָהר 1840) האָט זיך מאָנטעפיאָרע געהייסען איבערזעצען דעם „אפס דמים“ אין ענגליש און דער בוך האָט מיטגעהאָלפען צו איבערצייגען דעם עולם אין וועסט־אייראָפּא אין דער פאלשקייט און נידערטרעכטיגקייט פון דעם עלילת דם.

שפעטער איז דער „אפס דמים“ איבערזעצט געוואָרען אויך אין רוסיש.

אויסער דיזע פיער ווערקע: „תעודה“, „בית יהודה“, „זרובבל“ און „אפס דמים“, אויף וועלכע לעווינזאָהן האָט געארבייט צעהנדליגע יאָהרען, האָט ער פערפאסט קלענערע ביכער. ער האָט אויך אָנגעשריבען אין זשארגאָן „דיא הפקר־וועלט“ — א שארפע סאטירע געגען דיא חסידים און אלע קהל'שע בעלי טובות און כלי קודש.

* * *

מען רופט אָפט לעווינזאָהן'ען „דער מענדעלסזאָהן פון דיא רוסישע אידען“, נאָר דאָס איז ניט גאנץ ריכטיג. לעווינזאָהן איז געוועזען פיעלזייטיגער און ברייטער פאר מענדעלסאָהנען און קראָכמאל'ן. אלעס וואָס ער האָט געשריעבען איז געוועזען, וויא מיר האָבען שוין אויבען דערמאָהנט און בעוויעזען, אין פעסטער פערבינדונג מיט'ן לעבען, מיט'ן ווירקליכען לעבען פון'ם אידישען פאָלק. דיא גייסטיגע רעפאָרמען האָבען איהם ניט אינטערעסירט זעלבסט פיר זיך, נאָר אלס א מיטעל צו רעפאָרמירען דעם געזעלשאפטליכען, דעם עקאָנאָמישען לעבען. ער האָט געוואָלט זעהען דאָס אידישע פאָלק שטרעבענדיג פריי צו ליכטיגקייט, צו בילדונג, ער האָט אָבער אויך געוואָלט זעהען דאָס אידישע פאָלק פריי איבערהויפט אין פיהרענדיג א געזונדען לעבען נאָהענט צו דער נאטור, אָדער בעשעפטיגענדיג זיך מיט אנדערע געזונדע ניצליכע ארבייט. ער האָט אין זיך פערייניגט פערשידענע טאלענטע: פון איין זייט האָט ער מיט הייסע, פייערדיגע ווערטער גערופען דיא יוגענד צו א נייעס לעבען, צו נייע פרישע געדאנקען, פון דער אנדערער זייט האָט ער געשמיסען דיא פינסטערע פאנאטיקער מיט זיין שניידענדער סאטירע. און וויא אין דער ליטעראטור אזוי איז ער אויך געוועזען אין זיין פראקטישער טהעטיגקייט: פון איין זייט האָט ער אָרגאניזירט דיא אידישע יונגע לייט אין

געהיימע חברות פון „השכלה־פריינד“, פון דער אנדרערער זייט האָט ער ניט אויפגעהערט פּאָרצולעגען פאר דער רעגיערונג פּראָיעקטען צו פערבעסערען דיא גייסטיגע און עקאָנאָמישע לאגע פון אידען. זיינע פּאָרשלעגע האָבען געהאט ביי דער רעגיערונג א גרויסען געוויכט. דיא גרינדונג פון דיא אידישע קאָלאָניען אין זיד־רוסלאנד האָט מען געהאט צו פערדאנקען לעווינזאָהנען. אָפט פלעגען איהם בעזוכען אין קרעמניץ, אין זיין אָרימער, האלב־איינגעפאלענער חאלופּקע, דיא העכסטע רוסישע רעגירונגס־בעאמטע און האלטען זיך מיט איהם עצות. ניקאָלאי אליין האָט איהם זעהר געאכטעט און האָט געשריעבען צו איהם א׳ן אייגענהענדיגען בריעף.

אז מען זאָל נעהמען אין אנבעטראכט ביי זיין פיעלזייטיגער, אונערמיעדליכער טהעטיגקייט דיא אומשטענדען, אין וועלכע ער האָט געלעבט, זיין דהקות און נויט, מיט וועלכע ער האָט ניט אויפגעהערט צו קעמפּפען זיין גאנצען לעבען, און דערצו זיין שטענדיגע קראנקהייט, וועלכע האָט איהם צעהנדליגע יאָהרען געהאלטען איינגעשמידט אין זיין קעמריל און יאָהרענלאנג זאָגאר צוגעשמידט צו זיין בעט, דאן וועלען מיר בעקומען א בילד פון א העלד, פון א מארטירער, וואָס זיין גלייכען געפינען מיר וועניג ניט נאָר אין דער אידישער, זאָנדערן אויך אין דער אלגעמיינער מענשליכער געשיכטע.

דער צופאל האָט געמאכט מיט לעווינזאָהנען א ביטערען שפּאס. זיינע פערעהרע׳ר אין דיא הויכע פענסטער האָבען פּאָרגעשטעלט דעם קיסר דיא עלענדע לאגע פון דעם גרויסען אידישען געלעהרטען. ניקאָלאי האָט איהם געשיקט דריי טויזענד רובעל פיר א געוויסע צאָהל עקזעמפּלארען פון „בית יהודה“. דער אָרימער שרייבער און קעמפּפער האָט געקענט ענדיגען רוהיג זיינע עלטערע יאָהרען. דער סלוך וועגען דיזער מתנה האָט נאטירליך געמאכט א רעש אין שטעדטיל און ווייט ארום, און איין מאָל, אין א מיטען נאכט, האָבען זיך אריינגעריסען צו איהם אין שטיבעל א באנדע פערמאסקירטע חברה־לייט, האָבען אלץ אין שטוב איבערגעקעהרט קאפּויר און צוואוואָרפען, האָבען צוגענומען זיינע איינציגע שריפטען און ניקאָלאי׳ס בריעף און זיינען פערשוואונדען. דער בעפאל און דיא רויבעריי האָבען אזוי איבערגעשראָקען דעם אלטען און קראנקען מאן, אז ער האָט זיך שוין ניט געקענט ערהאָלען. זיינע טעג זיינען אזוי אויך געווען געצעהלטע. וואָס דאָס איז געווען פאר א חברה־לייט און וואָס איז געווען זייער צוועק, איז געבליעבען א געהיימניס ביז היינטיגען טאָג. א טהייל מיינען, אז דאָס זיינען געווען דיא פאנאטיקער פון שטעדטיל וועלכע האָבען געוואָלט פערניכטען זיינע אפּיקורסישע כתבים. אנדערע דענקען, אז דאָס זיינען געווען פּשוט׳ע גנבים, וועלכע האָבען געמיינט צו דערטאפּען ביי לעווינזאָהנען דיא עטליכע טויזענד רובעל.

דאָס געלד איז אָבער אָנגעקומען צו שפּעט. לעווינזאָהן האָט עס שוין מעהר ניט געדארפט. מיט א קורצע צייט פריהער איז ער געשטאָרבען, געשטאָרבען א׳ן אָרימאן, אזוי וויא ער האָט געלעבט.

ש. ל. הורוויץ.

# The Cloud

—BY—

PERCEY B. SHELLEY



# דער וואָלקען

איבערזעצט פון

ה. רויזענבלאַט.

איך ברייננ פרישע שטראָמען פיר דורשטיגע בלומען,
פון טייכען און אָצעאַן׳ס שוים.
איך וואַרף שאַטענס קיהלע אויף בלעטעלעך שטילע,
וואָס רוהען אין מיטאָגען־טרוים.
איך ברייננ פרישע ראָסע פאַרליליען, פאַר בלאסע,
פער׳הלש׳ט פון גליהענדער היין;
איך מונטער און וועק אויף, איך רייס זיי מיט שרעק אויף
אין ווילדען און פלאַמענדען בליץ....
איך קום דאָס מיט זיסען דיא ערד צו בעגיסען,
איך ברייננ מיט א טרונק פאַר דעם טהאָל,
איך וואַש איין דיא גראָזען, דיא בלעטער און ראָזען,
און לאַך מיט מיין דונ׳רנדען קול.....

---

איך קום צו בערייכען דיא דורשטיגע טייכען,
מיט זאנפטיגען, פרישען געטראַנק;
איך ברייננ פאר דיא ים׳ען און רעגענדע שטראָמען
דעם חוב זיי צוריק מיט א דאנק.
אין שלאגענדען רעגען און לופטס פרייע וועגען,
פארשווינד איך גאנין טיעף אין׳ם תהום,
און שלינג פון דיא וואַלען, דאָרט ווער איך צופאלען,
אויף ווייסען, אויף זילבערנעם שוים.
איך קום צו דיא היצען מיט ריטער פון בליצען
און יאָג זיי אַרוים מיט א מאָל,
איך וואש פון דיא וועגען אראָפּ זיי מיט רעגען,
און לאַך מיט מיין דונר׳רנדען קול...

---

אין שאטען אין קיהלען, מיט שטומע געפיהלען
אין קינדערש פערבאָרגענעם גליק,
נעהמט טריפענדיג קלאפען, מיט דראָפּנינקע טראָפען
מיין רעגען זיין פריידענס מוזיק.

עס וואַשען דיא רויזען, דיא קעפּ זיך און קרויזען
דעם יונגען און בליהענדען צוועט,
עס שלינגען דיא ליליען מיין אָטהעם מיין קיהלען
און קענען ניט כאַפּען דעם זעט...
עס שטאָקען דיא קוועלען פון פייגעלשען טרעלען
עס ווערט וויא פערשטומט איבעראַל,
אַ חוץ נאָר דיא בלעטער, וואָס שושקען אין וועטער,
און שמייכלען אין בליצענדען שטראַהל.

---

און שטאָלץ היינגט געצויגען מיין פאַרביגער בויגען,
אין הימעל אזוי וויא אַ בריק,
און יובעלנד און שאַלענד, און ברויזענד און קנאַלענד,
מאַרשיר איך טריאומפירענד צוריק.
אריבער דיא פעלדער, אריבער דיא וועלדער,
בעגלייטעט פון פייגעל געזאַנג;
בערוישט פון ענטציקונג, בעלעבט פון ערקוויקונג,
צוגעה איך אין עכאָ פון קלאַנג.
און וואַרעם און ליכטיג, און זויבער און ציכטיג,
בעווייזט זיך פון הימעלס געצעלט
דיא זונן פון דאָס נייע, אין שטראַהלען, אין פרייע
בעגריסענד דיא מונטערע וועלט...

---

איך קום אויך צוגעהען, אין בורעס פון שנעען,
אין ווינטער פון טויט און פון קעלט,
איך קום אייך פערוויגען אין ווינדיגען ניגון,
דיא אָרעמע גוסס'ענדע וועלט.
מיך טראָגען דיא אָרעמס פון וויטענדע שטורעמס
מיט ווילדער פערניכטענדע מאַכט; —
איהר הערט מיך בעגלייטען, דיא שטורעם טראָמפּייטען?
אין שווערען אין בלוטיגען שלאַכט.
איך בריינג פולע לאָגלען, געשליפענע האָגלען —
מיין קאַלטען פערגליווערטען שרויט.
איך קום מיט האַרמאַטען, מיט פייער גראַנאַטען
איך בריינג אייך פערוויסטונג און טויט...

איך בין אייער קאַסיר פון ברויט און פון וואַסער,
איך גיב אייך אין רעגען מיין קראַפט,
איך טהייל אייך אין גלייכען, סיי אָרעם, סיי רייכען,
מיין אינערליכסטען הערצליכסטען זאַפט.
איך דעק צו אין הימעל דיא זונן אין איהר דרימעל,
איך לאָז זיא זיך אָנציהען נאַפט...
איך שנייין אָפּ דיא שטראַהלען און לאָז זיי דאַן פאַלען
מיט דאָפּעלטער בלענדענדער קראַפט.
איך גיס אויף דיא בלומען פון זעפיר פערפיומען,
איך אָטהעם מיט דופט אומעטום,
איך שאַף אַ גן־עדן פון הימלישע פריידען,
איך לעב אויף אַרום און אַרום...

# דער גענעראל סטרייק

פאר מיינע אויגען ליעגט יעצט דיא בראָשורע „דער גענעראַל־סטרייק און דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן“, וואָס דיא „אידיש - שפּרעכענדע אנארכיסטישע פעדעראציאָן“ פון לאָנדאָן האָט ארויסגעגעבען. ווען איך וואָלט געהאט דיזע בראָשורע בשעת איך האָב אָנגעפאנגען צו שרייבען מיין אבהאנדלונג איבער דיא זעהר וויכטיגע פראגע וועגען גענעראַל־סטרייק, וואָלט איך וואהרשיינליך נאָר נאָכגעפאָלגט דיא בעהויפּטונגען און פונקטען פון דעם פערפאסער זיעגפריעד נאכט, אום צו צייגען, וויא ווייט זיי זיינען ריכטיג אָדער פאלש און וויא ווייט סאָציאַל־דעמאָקראטען קענען זיין איינפערשטאנדען מיט אנארכיסטען אין דיזער פראגע. יעצט אבער מוז איך פאָרטזעצען מיין פּלאן, אום אויסצומיידען ווידערהאָלונגען. איך וועל נאָר אגב אורחא אָנריהרען א פּאָר פונקטען פון דער בראָשורע, וועלכע איז א נייער גוטער קרעדיט אויף דער רעכנונג פון דיא אידישע אנארכיסטען אין ענגלאנד. *)

דיא פראגע וועגען גענעראַל־סטרייק איז, וויא עס איז שוין אין א פאָריגען ארטיקעל בעמערקט געוועז, זעהר א קאָמפּליצירטע. וואָס מעהר מען דענקט נאָך, אלץ מעהר זעהט מען זיך ארום, וויא שווער עס איז איהר צו ענטשיידען אויף א טהעאָרעטישען וועג, און מען מוז קומען צום שלום, אז זיא מוז איבערגעלאָזען ווערען צו דיא געווערקשאפטען, וועלכע האָבען, אונטער דעם צוואנג פון דיא אומשטענדען, אָנגעפאנגען ארויסצורופען גענעראַל־סטרייקס און וועלכע וועלען ווייטער מוזען געצוואונגענערהייט געברויכען דיזען מיטעל אין אלץ א גרעסערער מאָס און ברייטערער פאָרמע לויט נאכדעם, וויא זיי וועלען בעלויכטעט ווערען אין זייער עקאָנאָמישען קאמפף מיט די פּאָליטישע און מאָראַלע אידעאַלען פון וויסענשאפטליכען סאָציאַליזמוס.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אז דער שיקזאל פון א גענעראַל־סטרייק מיט רעוואָלוציאָנערע פּאָליטישע שטרעבונגען אָדער, וויא דיא אויבענגענאנטע בראָשורע רעפט עס: „דער סאָציאַלער גענעראַל־סטרייק“, העגנט פריהער פאר אלץ אָפּ פון דעם, וויא ווייט דיא מאסען פון פאָלק זיינען דורכגעדרונגען מיט סאָציאַליסטישע געדאנקען און וויא ווייט זיי זיינען ענטשלאָסען צו שטירצען מיט געוואלט דיא קאפּיטאַליסטישע אָרדנונג. דיא אנארכיסטען פערגעסען גאָר אָן דיזער ערשטער בעדינגונג פון יעדען רעוואָלוציאָנערען שריט פון פּראָלעטאריאט. ווען זיי רעדען וועגען דיא שנעלע און לייכטע מעגליכקייט פון א סאָציאלע רעוואָלוציאָן דורך א גענעראַל־סטרייק. זיי דוכט זיך, אז וויא באלד א גענעראַל - סטרייק ברעכט אויס איז שוין לייכט איהם צו פיהרען צו א רעוואָלוציאָנערען קאמפף מיט דעם קאפּיטאַליסטישען שטאאט. אין זייער הייסען וואונש צו פערניכטען דיא קאפּיטאַליסטישע סיסטעמע פערזעהען זיי, אז דיא אמת'ע שוויעריגקייטען פון א גענעראַל־סטרייק הייבען זיך אָן גראדע אויף מאָרגען נאָכדעם, וויא ער ברעכט אויס, און אז גראדע וואָס לענגער אזא סטרייק דויערט, אלץ מעהר שאנסען האָט דער קאפּיטאַליסטישער שטאאט איהם צו ברעכען.

(*) דיזע אנארכיסטען קומט א הערצליכער דאנק פאר זייער ניצליכער טהעטיגקייט אלס ארויסגעבער פון גוטע בראָשורען. דיא אידישע סאָציאַל־דעמאָקראטען און דיא אידישע אנארכיסטען אין אמעריקא דארפען זיך ווירקליך שעהמען, וואָס זיי גיבען גאָר ניט ארויס, וואָס זיי קימערן זיך אזוי ווייניג וועגען שריפטליכע פּראָפּאגאנדא, וועגען דיא גייסטיגע ענטוויקלונג פון דיא אידיש־לעזענדע מאסען און אין אלגעמיינען וועגען דיא פערמעהרונג און פערבעסערונג פון דער זשארגאָנישער ליטעראטור. עס איז אמת, מיר האָבען אין אמעריקא צייטונגען, אָבער אויסער דעם, וואָס זיי זיינען מעהר א מיטעל פיר אגיטאציאָן אלס פיר פּראָפּאגאנדע, קענען זיי אויף קיין פאל ניט פערנעהמען הדע פּלאַץ פון בראָשורען און ביכער. אונזער ערפאהרונג מיט אונזערע צייטונגען האָט עס קלאָר און דייטליך בעוויזען.

די אַנאַרכיסטען האָבען אויך אַ ביטערען טעות, ווען זיי מיינען, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אַגיטירען ניט פאַר אַ גענעראַל־סטרייק, אָדער טרעטען זאָגאַר אַרויס געגען נור דערפאַר, ווייל זיי האָבען מורא, אַז דורך דעם קען עס קומען צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן. וואָס אַנבעלאַנגט צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, דענקען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, מיט אויסנאהמע פון עטליכע געצעהלטע זאָ־גענאַנטע „עוואָלוציאָניסטען“, גראַדע אַזוי וויא די אַנאַרכיסטען, אַז אָהן אַ געוואַלטיגען צוזאַמענשטויס, אָהן אַ בלוטיגען קאַמפּף וועט מען שליסליך ניט קענען ברעכען די מאַכט פון דער בורזשואַזיע און איינפיהרען די סאָציאַליסטישע אָרדנונג. אַמאָל האָבען די אַנאַרכיסטען אַטאַקירט די סאָציאַל־דעמאָקראַטען דערפאַר, וואָס זיי, די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, האָבען געבריכט אייגענטליך דיזעלבע אַרגומענטען געגען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, וואָס יעצט געגען דעם גענעראַל־סטרייק. די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען שטענדיג אָנגעוויזען, אַז עס איז אונמעגליך צו אָרגאַניזירען אַ רעוואָלוציאָן בכלל און די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן בפרט; אַז די מאַססען זיינען נאָך ניט גענוג ענטוויקעלט און פאָרבערייטעט צו לעבען אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, א. ז. וו. — און וואָס זעהען מיר יעצט? די אַנאַרכיסטען אַנערקענען יעצט, אין פּרינציפּ ווענינסטענס, די פּראַקטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָנווענדונגען געגען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן; זיי גיבען אַליין צו, אַז אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן קען מען ניט מאַכען צו אָרדער אָדער דורך פערשווערונגען. זיי האָבען זיך דאַרום אַזוי הייס אָנגעכאַפּט אָן דער אידעע וועגען אַ גענעראַל־סטרייק, ווייל זיי גלויבען, אַז אַזאַ סטרייק קען מען שוין אָרגאַניזירען פאָראויס און פיהרען צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן. זיי ערקלערען דאָס איצט אויסדריקליך אין זייערע שריפטען, אויך אין דער אויבענדערמאָהנטער בראָשורע (זעה זייטען 12 און 13). קורץ, דער גענעראַל־סטרייק איז אין זייערע אויגען ניט נאָר אַ נייע פאָרמע פון אַ רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף, זאָנדערן אויך אַ וועג צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן.

נון, די סאָציאַל־דעמאָקראַטען לייקענען ניט, אַז דער גענעראַל סטרייק איז אַ׳ן אונגעהייער וויכטיגער רעוואָלוציאָנערער מיטעל אין די הענד פון פּראָלעטאַריאַט, אַז ער איז זאָגאַר אַ נייע פאָרמע פון אַ רעוואָלוציאָן. זיי געהען נאָך ווייטער און גיבען צו, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן קען נאָר אַמאָל קומען ד ו ר ך אַ גענעראַל־סטרייק. ווען זיי וואָלטען אַנדערס געדענקט, וואָלטען זיי ניט דיסקוטירט צווישען זיך דיזע פראַגע און וואָלטען איהר יעדענפאַלס ניט געשטעלט אויף דער טאַגעס־אָרדנונג פון דעם קומענדען אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם.

דער אונטערשיעד צווישען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און אַנאַרכיסטען איז אַלזאָ דאָ ניט אין פּרינציפּ, נאָר אין דעם, ו ו י א ו ו י י ט ע ס א י ז מ ע ג ל י ך דורך אַ גענעראַל־סטרייק אונטער די יעצטיגע אומשטענדען צו שטירצען די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. די סאָציאַל־דעמאָקראַטען ווילען ניט קריכען בלינד אין פייער, זיי ווילען זיך ניט נאַררען מיט ווערטער און איינבילדונגען, זיי ווילען גרינדליך בעטראַכטען די פראַגע פון אַלע זייטען, אויסרעכענען די שאַנסען פיר און געגען אין פאַל פון אַ צוזאַמענשטויס פון פּראָלעטאַריאַט מיט דער אָרגאַניזירטער מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטישע רעגיערונגען.

און בעטראַכטען איז דאָ זעהר פיעל, ווען מען וויל זיך נאָר אַרומקוקען מיט קלאָרע אויגען אין אַ קאַלטבלוטיגען קאָפּ.

לאָמיר נעהמען דעם לייכטעסטען ביישפּיעל. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז אין אַזאַ לאַנד וויא בעלגיען, ברעכט אויס אַ גענעראַל־סטרייק. דאָרט איז ניט נאָר די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן ענטוויקעלט אויף דעם העכסטען גראַד, דאָרטען איז ניט נאָר די בעפעלקערונג די געדיכטעסטע, דאָרטען זיינען ניט נאָר די אַרבייטער גוט אָרגאַניזירט, האָבען שטאַרקע יוניאָנס, די בעסטע קאָאָפּעראַציאָנען און אַ מוסטערהאַפטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מיט זעהר פעהיגע און בעריהמטע פיהרערס, זאָנדערן דאָרטען איז אויך דער מיליטאַריזם פערהעלטניסמעסיג שוואַך. די פּאָליטישע לאַגע פון בעלגיען איז אַזעלכע, אַז מען דאַרף דאָרטען ניט אָנהאַלטען אַ גרויסע שטענדיגע אַרמעע און אַ גרויסע קריעגס־פלאָטע. אין בעלגיען זיינען דאָ די גינסטיגסטע בעדינגונגען פיר דעם ערפאָלג פון אַ גענעראַל־סטרייק. דאָס, גלויב איך, וועט קיינער ניט אָבלייקענען.

אַלזאָ, לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז אין

בעלגיען האָבען ווידער אויסגעבראָכען אונגע־
פעהר אזעלכע גענעראל־סטרייקס, ווי עס האָבען
שוין דאָרטען פאסירט. נאָר וואָס בעצוועקען
דערביי דיא ארבייטער? ווילען זיי נאָר צווינ־
גען דיא בורזשואזיע צו געבען אלגעמיינעם
שטימרעכט, אָדער דורכפיהרען, לאָמיר זאָגען,
א'ן אכט־שטונדען ארבייטס־טאָג, אָדער גאָר אָב־
שאפען דיא לוין־סיסטעם מיט דער גאנצער קאַ־
פיטאליסטישער אָרדנונג? אפילו דיא הייסעס־
טע אנהענגער פון א גענעראל־סטרייק מוזען אנ־
ערקענען, אז דיא שטימונגען און שטרעבונגען
פון דיא ארבייטער־מאסען, וועלכע וועלען זיך
פרייוויליג בעטהייליגען אין א גענעראל־סטרייק
אָדער וועלען אין איהם אינדירעקט אריינגע־
שלעפט ווערען, שפיעלען דיא וויכטיגסטע ראָלע,
אויב מען וועט זיעגען אָדער דורכפאלען. עס איז
זעלבסטפערשטענדליך, אז ווען דיא אורזאכע
פון א גענעראל־סטרייק זאָל זיין דיא פאָדערונג
פון אלגעמיינעם שטימרעכט, פון א'ן 8־שטונדען
ארבייטס־טאָג, פון א מינימום־לוין, א. ז. וו.
זאָ וועט דיא קאפיטאליסטישע אָרדנונג ניט
אונטערגעהן, ווען אפילו דיא סטרייקערס זאָלען
אויספיהרען זייערע פאָדערונגען. נאטירליך
דאָס וועט זיין א גרויסער זיעג, דאָס וועט צייגען
דיא מאכט פון אָרגאניזירטען פראָלעטאריאט,
דאָס וועט געבען דיא ארבייטער מוטה ווייטער
צו קעמפפען אויף דעם זעלבען וועג, דאָס וועט
זיין נאָך א שריט פאָראויס אין דעם אלגעמיינעם
קאמפף פון ארבייטער קלאס פאר דיא איינפיה־
רונג פון דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט;
אָבער דאָס אלעס וועט נאָך זיין גאנץ ווייט פון
דער סאָציאלער רעוואָלוציאָן.

גאנץ אנדערס וועט עס נאטירליך זיין, ווען
וועניגסטענס א טהייל פון דיא ארבייטער־
מאסען וועלען פון אָנפאנג אָן האָבען אין אויג
דיא אלגעמיינע סאָציאלע שטרעבונגען פון פראָ־
לעטאריאט און וועלכע וועלען זיך אָנשטרענגען
אומצואוואנדלען דעם גענעראל־סטרייק אין א'ן
אָפענעם רעוואָלוציאָנערען קאמפף געגען דיא
הערשאפט פון דער בורזשואזיע. דאָס וועט זיין
א סאָציאלער גענעראל־סטרייק אין ריכטיגען
זינען פון דיזע ווערטער, דאָס וועט זיין א פאָר־
שפיעל צו דער סאָציאלער רעוואָלוציאָן. אבער
אזא סטרייק קען מען אזוי וויניג פאָראויס אָרגא־
ניזירען, ווי די סאָציאלע רעוואָלוציאָן זעלבסט.
ווען דיא ארבייטער זאָלען זיין אזוי פאָרטגע־
שריטען, אזוי קלאסענבעוואוסט, אזוי ענטשלאָ־
סען ארויסצוטרעטען געגען דעם קאפיטאליסטי־
שען שטאאט אין נאָמען פון זייערע סאָציאליס־
טישע אידעאלען, דאַן קענען זיי זיך בעגעהן אָהן
א גענעראל־סטרייק, דאן קענען זיי זיך בענוצען
אויך מיט א פּאָליטישע דעמאָנסטראציאָן אָדער
איבערהויפּט מיט א גינסטיגער געלעגנהייט
אָנצופאנגען א'ן אטאקע אויף דער קאפיטאליס־
טישער געזעלשאפט.

איבערהויפּט, ווען דיא ארבייטער־מאסען
וואָלטען אין אירגענד וועלכען לאנד געהאלטען
אזוי ווייט, אז זיי זאָלען זיך פיהלען גע־
נוג קרעפטיג צו מאכען א פּראָבע צו שטירצען
דיא קאפיטאליסטישע סיסטעם, וואָלטען זיי שוין
אליין געפונען וועגען און מיטעל צו א רע־
וואָלוציאָנערען קאמפף. זיי וואָלטען, זעלבסט־
פערשטענדליך, ניט נור געהאט מעכטיגע טרייד־
יוניאָניסטישע פערבאנדען, זאָנדערן זעהר
שטארקע מינאָריטעטען אין פּארלאמענטען און
שטאָט־פערוואלטונגען, איידער זיי וואָלטען גע־
מאכט א געוואלט־פּראָבע אָפּצושאפען דעם קאַ־
פּיטאליסטישען שטאאט. פאָרלויפיג אָבער האל־
טען נאָך דיא ארבייטער ווייט דערפון אפילו
אין דייטשלאנד און בעלגיען, וואו דיא סאָציא־
ליסטישע פּארטייען זיינען דיא שטארקסטע.

נאָר אונטער געוויסע אומשטענדען, וועלכע
מען קען ניט פאָראויס בעשטימען און וועלכע
דאָס לעבען זעלבסט וועט ארויסרופען, קען עס
קומען דערצו, אז א גענעראל־סטרייק זאָל זיך
אָנפאנגען צוליעב גאנץ געוועהנליכע אורזאכען,
לאָמיר זאָגען, צוליעב א סטרייק פון אייזענ־
באהן־ארבייטער פאר א לוין־העכערונג, און זאָל
אָננעהמען א סאָציאל־רעוואָלוציאָנערען כאראק־
טער. דיא פּראָדוקציאָן וועט פּאראליזירט ווערען,
דער גאנצער מעכאניזמוס פון קאפיטאליסטישען
שטאאט וועט בלייבען אָהן שרויפען און אָהן
רעדער.

אָבער וויא לאנג וועט אזא צושטאנד דויערן
און וואָס קען דערפון ארויסקומען? אָט דאָס
איז דער עיקר פון דער גאנצער פראגע. דיא
הייסע אנהענגער פון א גענעראל־סטרייק דיינ־
קען, אז עס וועט ניט נאָר לייכט זיין צו דעזאָר־
גאניזירען דעם קאפיטאליסטישען שטאאט און
„אויסהונגערן“ דיא הערשענדע קלאסע, זאָנ־
דערן אויך, מיט דיא ווערטער פון דער אייבענ־
דערמאָנטער בראָשורע, „צונעהמען אלע פּראָ־
דוקציאָנס־מיטעל, דיא מינען, דיא פאבריקען,

דיא הייזער, מיט איין וואָרט, דיא גאַנצע עקאָ־נאָמישע מאַכט".

מען וועט „צונעהמען", „עקספּראָפּריאירען", ארויסרייסען דיא עקאָנאָמישע מאכט ביי דער בורזשואזיע. נאָר וויא אזוי? נאַטירליך, ווען מען בילדעט זיך איין, אז „ווען אלע קוילענ־גרעבער זאָלען אוועקלייגען זייער ארבייט, ענ־דיגט זיך דער קוילען־זאַפּאַס אין איינ־גע טעג און דער פערקעהר פון פּאָסט און איי־זענבאהן איז אָבגעשטעלט" (זעה זייטע 9 פון דער בראָשורע), קען מען ווירקליך אויפטאָן וואונדער מיט א גענעראַל־סטרייק. לײדער אָבער איז עס ווייט ניט אזוי. דער גרויסער און לאַנגער סטרייק פון דיא קוילענגרעבערס אין דיא פעראייניגטע שטאַאטען האָט בעוויזען, אז דיא זאַפּאַסען פון קוילען זיינען גענוג פיר עט־ליכע מאָנאַט. דאָס זעלבע איז אויך ריכטיג ווע־גען אלע פּראָדוקטען, מעהר ניט זיי ווערען אלץ טהייערער, וואָס לענגער א סטרייק דויערט, דאָס הייסט וואָס לענגער מען פּראָדוצירט ניט גענוג צו בעפרידיגען דיא געוועהנליכע נאכפראַגע.

נאָר ווער ליידעט מעהר אין דער צייט, ווען פּראָדוקטען ווערען טהייערער—דיא רייכע אָדער דיא אָרימע, דיא קאַפּיטאַליסטען אָדער דיא אר־בייטער? עס איז גענוג צו שטעלען דיא פראַגע, אום צו ענטפערן, אז דיא גרעסטע ליידען און אָפּפער וועלען האָבען דיא ארבייטער, דיא סטרייקערס זעלבסט. ווען דיא פּראָדוקטען וועלען טהייערער ווערען דורך אַן אלגעמיינען סטרייק; און טהייערער וועלען זיי נאַטירליך מוזען ווערן. לאָמיר זיך ניט נארען מיט פראַזען, לאָמיר גאָר ניט דענקען, אז מען קען „אויסהונגערן" דיא קאַ־פּיטאַליסטען מיט א גענעראַל־סטרייק. דער אמת איז, אז „אויסהונגערן" וועלען דיא סטריי־קערס זעלבסט, ווען דיא פּראָדוקציאָן זאָל ווירק־ליך אין גאַנצען אָפּגעשטעלט ווערן עטליכע וואָ־כען. עס זיינען דאָ גענוג זאַפּאַסען, מיר פּיהלען עס גאַנץ גוט אין דיא צייטען פון איבער־פּראָדוקציאָן. אָבער ביי וועמען געפינען זיך דיא זאַפּאַסען? ביי דיא גרויסע און קליינע קאַפּיטאַליסטען, ביי דיא קרעמערס, אָבער ניט ביי דיא ארבייטער. ווען דער אייזענבאהן־פּער־קעהר אין בעלגיען זאָל אָבגעשטעלט ווערן איין וואָך, וועלען דיא ארבייטענדע קלאַסען, דאָס אָרימע פּאָלק, זעהר שטאַרק ליידען.

אָנפאַנגס וועלען דיא סטרייקערס ניט גע־ברויכען געוואַלט. זיי וועלען אוועקלייגען דיא ארבייט און זיך האַלטען אין דיא גרענעצען פון געזעצליכקייט. דאָס איז זעלבסטפערשטענדליך, ווייל דער סטרייק ווערט ארויסגערופען צוליעב געוועהנליכע פאָרדערונגען פון אָרגאַניזירטע ארבייטער. לאָמיר זאָגען, אז זיי וועלען ניט גע־בען קיין געלעגענהייט דער רעגירונג צו געברוי־כען דיא מיליטערישע מאַכט א וואָך אָדער צוויי. זיי וועלען א ביסעל צוהונגערן אין דער צייט און דערוויילע זעהען אריינצוקריגען אין זייערע רייהען וואָס מעהר ארבייטער און פאָלג־ליך אלץ מעהר צו דעסאָרגאַניזירען די קאַפּיטא־ליסטישע פּראָדוקציאָן. אָבער אָבגעזעהן דערפון, וואָס דיא רעגירונג וועט אין דער צייט ניט דרעמ־לען, וואָס איהר גאַנצע מאַשין וועט אָנגעשרייפּט ווערן מיט דיא לעצטע כוחות צו ברייננען אָרד־נונג אין דער אונאָרדנונג, אָבצושוואַכען וויא ווייט נאָר מעגליך דיא פאָלגען פון אזא גענעראַל־סטרייק, וואָס זיא וועט, צום ביישפּיעל, אָנ־שטעלען זשאַנדארמען און סאָלדאַטען אויף דיא אייזענבאַהנען און אין דיא פאָרטען אלס אר־בייטער (סקעבס און פּעררעטהער וועלען נאַ־טירליך אויך ניט פעהלען; דערצו קענען נאָך דיא זיהן פון דיא קאַפּיטאַליסטען און איבער־הויפּט דיא אנהענגער פון דער יעצטיגער אָרד־נונג פאַרקאַשערן דיא ארבעל און זיך נעהמען צו דער ארבייט, אום צו רעטען זייער געזעלשאַפט פון געפאַהר) — אָבגעזעהען פון דאָס אלעס, וועלען דיא ארבייטער ניט קענען פערבלייבען אין דער אָנגענומענער געזעצליכקייט און ווארטען מיט פערלייגטע הענד און מיט ליידיגע מאָגענס ביז דיא קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם וועט פּלאַ־צען דורך דעם, וואָס זיי ארבייטען ניט. אויב זיי וועלען עס ווינשען אָדער ניט, נאָר דער הונ־גער וועט זיי צווינגען צו נעהמען מיט געוואַלט פון דיא זאַפּאַסען, וואָס דיא קאַפּיטאַליסטען וועלען האַלטען פערבאָרגען, פערשלאָסען אָדער בעוואַכט. דאָס וועט נאָך אלץ ניט הייסען: עקספּראָפּריאירען אָדער פערכאַפּען דיא פּראָ־דוקציאָנס־מיטעל, אום צו אָרגאַניזירען דיא פּראָדוקציאָן אויף א סאָציאַליסטישען וועג. נאָר איינפאַך צונעהמען לעבענסמיטעל, אום צו קענען דערהאַלטען דיא נשמה אין גוף און ווייּ־טער אָנהאַלטען דעם סטרייק. דער פונדאַמענט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט — פּריי־וואַט־אייגענטהום — וועט אלץ ניט צוטרייסעלט ווערן, וויא פּיעל לעבענס־מיטעל דיא גענעראַל־סטרייקערס זאָלען ניט פערכאַפּען.

דיא קאַפּיטאַליסטען וועלען עס נאַטירליך אָנרופען: רויב און וועלען אויסשטעלען זייער גאַנצע מאַכט דאָס ניט צו דערלאָזען און איבערהויפּט צו בעשיצען „זייער“ אייגענטהום. ביי דעם ערשטען פערזוך פון דיא סטרייקערס צו בעפאַלען, לאָמיר זאָגען, א מאַגאַזין מיט מעהל, וועלען זיי זיך צוזאַמענשטויסען מיט פּאָליציי, זשאַנדאַרמען און סאָלדאַטען, און עס וועט זיכער קומען צו א בלוט־פערגיסונג. אויב דיא סטרייקערס וועלען ניט אָפּטרעטען בעצייטענס, ווען אזעלכע אַטאַקעס זאָלען זיך פערמעהרען, דאַן וועט דיא קאַפּיטאַליסטישע רעגיערונג האָבען א געזעצליכען תירוץ צו ערקלעהרען קריעגס־צושטאַנד.

דאַן וועט דיא געזעצליכקייט אין גאַנצען אויפהערען פון ביידע זייטען. אויב דיא סטרייקערס וועלען איבערהויפּט אין שטאַנד זיין זיך צו האַלטען האָטשע אין א פּאָר פּונקטען געגען דיא מיליטערישע מאַכט, וואָס דיא רעגירונג וועט נאַטירליך אויסשטעלען נאָך א בעשטימטען סטראַטעגישען פּלאַן פיעל בעסער און שנעלער וויא דיא סטרייקערס וועלען עס קענען טהאָן, ווען זיי זאָלען אפילו זיין גוט אָרגאַניזירט אונטער פעהיגע קאָמאַנדירען און ענטשלאָסען צו אָפּפערן זייער לעבען פאַר זייער בעפרייאונג, פאַר זייערע אידעאַלען פון א בעסערע צוקונפט — דאַן וועט עס קומען צו גרויסע שלאַכטען, וועלכע וועלען ענטשיידען דעם רעזולטאַט פון דעם גענעראַל־סטרייק.

דיא פראַגע איז אַלזאָ, אויב דיא ארבייטער זיינען אין שטאַנד צו קעמפּפען מיט אירגענד וועלכען ערפאָלג געגען רעגימענטען סאָלדאַטען, וואָס זיינען בעוואַפענט מיט דיא מאָדערנע געוועהר. וואו וועלען דיא ארבייטער איבערהויפּט נעהמען געוועהר? דיא אַנאַרכיסטען אליין גיבען צו, אז דיא באַריקאַדען און אַנדערע אַלטע רעוואָלוציאָנערע מיטעל טויגען שוין ניט אין אונזערע צייטען. וואו וועלען דיא ארבייטער קענען קריעגען אזעלכע געוועהר, אז זיי זאָלען זיך קענען וועהרען געגען דיא דיסציפּלינירטע סאָלדאַטען מיט דיא נייעסטע שרעקליכע מאָרד־וואַפען? לאָמיר זאָגען, אז זיי וועט געלינגען צו בעפאַלען מיליטערישע מאַגאַזינען און אוועקשלעפּען פון דאָרטען אויך גוטע ביקסען; לאָמיר זאָגען, אז זיי וועט זאָגאַר געלינגען צו פערכאַפּען ערגעץ עטליכע קאַנאָנען. אָבער עס איז נאָך ניט גענוג צו בעזיצען א ביקס, מען דאַרף נאָך קענען שיסען; עס איז נאָך ניט גענוג זיך צו בעפעסטיגען אין א געוויסען סטראַטעגישען פּונקט, מען דאַרף נאָך וויסען, וויא דאָס צו טאָן אַם בעסטען און וויא צו פערטהיידיגען דיא פּאָזיציאָנען געגען אַן אַטאַקע פון א רעגעלמעסיגע אַרמעע. מען ווערט נאָך ניט סאָלדאַט דערמיט, וואָס מען האַלט א ביקס אין דיא הענד. אפילו מיט גלייכע וואַפען אין דיא הענד איז א מחנה ארבייטער ניט גלייך צו א רעגימענט דיסציפּלינירטע און געניטע סאָלדאַטען.

געוויס, עס וועט א מאָל קומען דיא צייט, ווען דיא אָרגאַניזירטע מחנות ארבייטער וועלען זיין אין שטאַנד צו פיהרען שלאַכטען מיט דער אַרמעע און איהר בעזיעגען — זאָנסט קען מען איבערהויפּט ניט האָפען אָפּצושאַפען ווען עס איז דיא קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם — אָבער דערווייל איז נאָך דער קלאַסען־בעוואוסטער פּראָלעטאַריאַט ניט אזוי צאָהלרייך און פּאָלגליך ניט אזוי שטאַרק. דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען יעדענפאַלס מורא צו שטעלען אין קאָן זייערע אָרגאַניזאַציאָנען, אַלעס וואָס זיי האָבען געוואונען און וואָס זיי קענען נאָך געווינען אויף א פּאַרלאַמענטאַרישען וועג; זיי שרעקען זיך פאַר דיא געוואַלדיגע פעראַנטוואָרטליכקייט צו ריזיקירען מיט דיא לעבענס פון מאַסען ארבייטער, זיי שוידערן פאַר א בלוט־באָד, פאַר נאָך א פירכטערליכער „בלוטיגער וואָך“, וויא נאָך דער אונטערדריקונג פון דער פּאַריזער קאָמונע, נאָכדעם וויא דער סאָציאַלער גענעראַל־סטרייק וועט, נאָך אַלע אָפּפער, געבראָכען ווערן.

דיזע פעראַנטוואָרטליכקייט איז אַן אונגעהייערע, אפילו ווען מען זאָל האָבען אויסזיכטען, אז דאָס בלוט פון ארבייטער וועט ניט פערגאָסען ווערן אומזיכסט אין דעם קאַמפּף געגען דיא בורזשואַזיע.

דיא אַנאַרכיסטען, וואָס ריידען מיט אזא לייכטע האַרץ וועגען א סאָציאַלען גענעראַל־סטרייק, אזוי וויא פריהער וועגען דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, צייגען נאָר, אז זיי פיהלען ניט דיזע פעראַנטוואָרטליכקייט און אז זיי ווילען זיך ניט רעכענען מיט פאַקטען, מיט דער טרויעריגער ווירקליכקייט.

פ. קראַנץ.

# מיכאילאָווסקי'ס פילאָזאָפיע

יאַ, ער וואַר איין מענש, ער וואַר
איין קעמפּפער. (היינע.)

כמעט א האלבען יאהר־הונדערט איז נ. ק. מיכאילאָווסקי געשטאנען וויא א בראַווער און מוטהיגער סאָלדאט אויף דעם פעלד פון דער רוסישער ליטעראַטור. קיין שרייבער אין רוסלאנד האָט ניט געהאט צו פיהרען אזוי פיעל מלחמה, וויא מיכאילאָווסקי. ער האָט געקעמפּפט פון דעם ערשטען טאָג, זייט דיא וועלט האָט דערזעהען זיין נאָמען שוואַרץ אויף ווייס; ער האָט אויפגעהויבען זיין פּאָהן נאָך אלס גאַר יונגער בחור (ער האָט אָנגעהויבען צו שרייבען צו 18 יאָהר) און האָט איהר הויך געהאַלטען ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען.

און געקעמפּפט האָט ער ניט אומזיסט, זיין שווערע ארבייט איז ניט פערלאָרען געגאנגען. עס איז שווער צו געפינען נאָך איין שרייבער אין רוסלאנד, וועלכער האָט געהאט אזא גוטען איינפלוס און ערהאבענע ווירקונג אויף דעם בעסטען טהייל פון דעם יונגען דור, וויא מיכאילאָווסקי.

ער איז געווען א קריטיקער, א פּובליציסט, סאָציאלאָג און פילאָזאָף; נאָר וועגען וואָס ער האָט ניט געשריבען, איז אימער געשטאנען פאר זיינע אויגען דער אידעאל — דער קאַמפּאַס, וועלכער האָט איהם געפיהרט און געצייגט דעם וועג צום אמת, וויא ער האָט עס פערשטאנען.

נאָר איידער מיר געהן איבערגעבען, וואָס ער האָט פערשטאנען און געלערנט אונטער דעם וואָרט „אמת“, איז נויטיג צו געבען פאָלגענדע ערקלערונג:

דיא 50טע און 60טע יאָהרען פון לעצטען יאהרהונדערט זיינען מערקווירדיג פון איין זייט דערמיט, וואָס דאן האָבען דיא דענקענדע מענשען פון אייראָפּא זיך בעפרייט פון דיא קייטען פון דיא פילאָזאָפישע סיסטעמען, וועלכע ווערן גערופען „דייטשע אידעאליזמוס“ און מעטאפיזיק, און פון דער אנדער זייט מיט דער שטארקער בעגייסטערונג פאר אלעס, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען וויסענשאפט, מאטעריאליזמוס און פּאָזיטיוויזמוס.

מאטעריאליזמוס איז אייגענטליך גאָר ניט קיין יונגע פילאָזאָפישע סיסטעם; זיא איז אלט אזוי פיעל, אז עס איז שווער אָנצוצייגען איהר געבורטס־טאָג און איהר טאטען. דאָס איז פשוט אזא סיסטעם, וועלכע לייקענט אָפּ דאָס איבערנאטירליכע, דאָס געטליכע. דיא מאַטעריע, ד. ה. אלעס וואָס איז ארום אונז אין דער נאטור, ווערט בעטראכטעט אלס דער גרונד ניט נאָר פון דער אונאָרגאנישער וועלט, ניט נאָר פון פלאנצען און חיות, זאָנדערן אויך פון דעם מענשען'ס נשמה, פון זיינע געדאנקען, שטרעבונגען און רצון.

אויף דעם באָדען פון מאטעריאליזמוס איז אויסגעוואקסען דיא היסטאָריש־סאָציאָלאָגישע סיסטעם, וועלכע איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „עקאָנאָמישער מאטעריאליזמוס“. זיא לערענט אונז, אז דיא עקאָנאָמישע פערהעלטניסע און ערשיינונגען זיינען דער הויפּט פאקטאָר אין מענשליכע געזעלשאפטען, דער פונדאמענט און אורזאכע פון אלע פאסירונגען אין געזעלשאפטליכען לעבען.

פּאָזיטיוויזמוס, דאָס גייסטיגע קינד פון דעם בעריהמטען פראנצויזישען פילאָזאָף אָגיוסט קאָנט, ערקלערט אונז, אז נאָר דאָס איז אמת און ריכטיג, וואָס מען קען בעווייזען מיט פאקטען און עקספּערימענטען, אז מיר קענען דענקען נאָר וועגען אזוינע זאכען, וועלכע מיר קענען ערגרייכען מיט אונזערע חושים.

ארום יענער צייט איז אויך בעקאַנט געוואָרען דארווין'ס טהעאָריע. דיא געבילדעטע וועלט האָט זיך אויך דערוואוסט פון ספּענסער'ס עוואָלוציאָנס־לעהרע (וועגען דעם לעצטען איז אין „צוקונפט“ ערשינען אן ארטיקעל פון פ. קראַניץ, צו וועלכען מיר שיקען אָפּ דיא לעזער). דאָס אלעס צוזאמען גענומען האָט אָנגעמאכט אן אמת'ע רעוואָלוציאָן אין דיא

קעפּ פון די דענקענדע מענשען אין גאַנץ אייראָפּאַ.

נאָר פיעלע אנהענגער פון דיזע טהעאָריע האָבען צופיעל איבערטריבען. נאָך זייערע טענות איז אויסגעקומען, אז דעם מענשען'ס ווילען שפּיעלט קיין ראָליע אין לעבען: אידעאַלען, שטרעבונגען, מאָראַל — דאָס איז ניט ווערטה קיין אויסגעבלאָזענע איי; דער מענש איז א פּעשקע אין די הענד פון דער אונבארמהערציגער נאַטור, וועלכע פיהרט און קאָמאַנדעוועט נאָך אייביגע געזעצע. עס איז נאַטירליך, אז אלע דענקענדע מענשען, וואָס האָבען געשטרעבט צו א בעסערע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, האָבען ניט געקענט זיין צופרידען מיט דיזע טהעאָריען. דעם מענשען'ס גייסט, זיינע אידעאַלען, זיין הייליגער „איך" און ד. ג. — דאָס איז איגנאָרירט געוואָרען ביי יענע „וויסענשאַפטליכע" טהעאָריען. מען האָט געפיהלט א טיפען וועהטאָג און פערדרוס געגען דעם שטומען, נאָר אלמעכטיגען און דעספּאָטישען זעלבסט-הערשער — די נאַטור. פיעלע פאַלשע מענשען האָבען זיך בענוצט מיט דיזע טהעאָריען צוליעב זייערע שמוציגע צוועקען. דיזע „לעהרעס" האָבען זיי געהאַלטען ווי א פּאַנצער געגען די פיילען פון מאָראַל, אמת און גערעכטיגקייט. „וואָס טויג אונז אייערע אידעאַלען, צו וואָס פּרעדיגט איהר מאָראַל? דאָס זיינען בלויז ווערטער אָהן א שום בעדייטונג. מיט אייער רחמנות און פילאַנטראָפּיע ברענגט איהר קיינע נוצען, נאָר שאַדען, איהר שטערט דעם גאַנג פון נאַטירליכען פּראָגרעס" — אזוי פלעגען טענה'ן פיעלע קורצזיכטיגע קאָנטיסטען, דאַרוויניסטען און ספּענסעריסטען.

דער אמת איז פון זיי צוטהיילט געוואָרען אויף צווייען: אמת—וואהרהייט, און אמת — גערעכטיגקייט. אלעס וואָס איז געשעהן, אלעס וואָס עקזיסטירט, סיי גוטעס, סיי שלעכטעס, אלעס וואָס איז א היסטאָרישער פאַקט — דאָס איז די וואהרהייט. פערקעהרט, אלעס וואָס מיר ווילען אויסמיידען, ענדערן נאָך אונזער פערשטאַנד, נאָך אונזערע מאָראַלישע פּאָדערונגען און אידעאַלען, מיט איינעם וואָרט, אלעס וואָס מיר ווילען שאַפען — דאָס איז גערעכטיגקייט.

נאָר די וואהרהייט, האָבען גע'טענה'ט די קורצזיכטיגע פּאָזיטיוויסטען, פרעגט ניט קיין דעות ביי איהר צווייטע העלפט — גערעכטיגקייט. די וואהרהייט איז ווי זי איז, ווי זי מוז זיין, ווי די היסטאָריע פאָדערט. פון קיין גערעכטיגקייט וויל די וויסענשאַפט ניט וויסען. די וויסענשאַפט האָבען זיי פאַרגעשטעלט פאר א מאדאם אָהן א הארץ, אָהן געפיהלען, עפּעס פאר א מין עקזעקוציע. עס איז נוצלאָז און איינפאַך לעכערליך צו פּראָטעסטירען געגען די וואהרהייט, ווי שלעכט און גרויזאם זי זאָל ניט זיין.

נאָך דיזע טהעאָריע האָט דער איינצעלנער מענש קיין ווערטה ניט, דער עיקר איז דער פּראָגרעס פון דער גאַנצער מענשהייט. אלעס, וואָס ער טהוט, אלעס וואָס ער דענקט, איז דער רעזולטאַט פון פריהעריגע אורזאכען און די אורזאכע פון שפּעטערע רעזולטאַטען. ניט דער מענש שאַפט די היסטאָריע, נאָר, פערקעהרט, די היסטאָריע שאַפט דעם מענשען, וועלכער איז פון זיין זייט ניט מעהר ווי א בלינדער מעכאַניק פון דער שפּעטערדיגער צייט.

עס פאַלען ווי פליגען טויזענדער מענשען, זיי פאַלען פון הונגער, פון נויט, פון פערפּעסטעטע לופט, פון שמוץ, אויסגעלאַסענהייט — קיינעם דארף דאָס ניט קימערן; דאָס איז די וואהרהייט, דער אָביעקטיווער אמת. פערקירעווען דעם וועג פון היסטאָריע נאָך אונזער פערשטאַנד און וואונש, נאָך אונזער סוביעקטיווען אמת — דאָס איז געגען דעם געזעץ פון דער קאַלטער מאדאם וויסענשאַפט.

אָט אין אזא צייט איז מיכאילאָווסקי ארויסגעטראָטען אין דער רוסישער ליטעראַטור.

* * *

מיכאילאָווסקי לייקענט ניט אָפּ די גרויסע בעדייטונג, וואָס די וויסענשאַפט האָט אין דעם מענשליכען פּראָגרעס; ער שעצט הויך די נאַטורפאָרשער און פילאָזאָפען; ער לייקענט ניט אָפּ קיין טהעאָריע, וועלכע איז געגרינדעט אויף וויסענשאַפט, אָבער ער פאָרדערט נאָר ריינע, וואהרע וויסענשאַפט, און אזא וויסענשאַפט הייסט, נאָך מיכאילאָווסקי'ס מיינונג, אזעלכע, וועלכע געהט האנד איז האנד מיט די פּאָדערונגען פון מענשען'ס מאָראַל, עהרליכקייט און גערעכטיגקייט. ער איז איינשטימיג מיט אָגיוסט קאָנט, דאַרווין און ספּענסער, נאָר ער בויגט זיך ניט פאר זיי, ווי פאר געטשקעס. ער וויל ניט גלויבען בלינד, ער וויל אליין איבערעכענען דעם גאַנצען חשבון און אליין מאַכען דעם סך-הכל.

ער גלויבט אין עוואָלוציאָן, אין די אייבי-

גע געזעצליכקייט פין דער נאטור, נאָר ער גלויבט אויך אין מענשען׳ס ווילען, אין מענשען׳ס קראפט. ער איז איבערצייגט אין דארווין׳ס טעהאָריע, אז אלעס אין דער נאטור קעמפפט פאר עקזיסטענץ, נאָר טאקע דערפאר וויל ער ניט דערלאָזען, אז דער איינצעלנער מענש זאָל בטל ווערען אין דער געזעלשאפט, אז דעם מענשען׳ס „איך“ זאָל זיין אזוי געפאלען. „עס איז ניט מיין עסק וואָס זיא, דיא געזעלשאפט, שטרעבט צו פאָלקאָמענהייט, איך וויל אליין זיין פאָלקאָמען. דערמיט לייקען איך ניט אָפּ דיא וואהרהייט, פערקעהרט, איך פאָלג דעם „מלחמה־געזעץ“, ווען איך זאָג, אז דיא געזעלשאפט מוז דינען פאר מיר“, שרייבט ער.

ער וויל דעם אמת ניט צושפאלטען. דיא וואהרהייט, דיא וויסענשאפט מוז, נאָך זיין פילאָזאָפיע, שטרעבען צו גערעכטיגקייט; אנדערס איז דאָס א פאלשע וויסענשאפט. ווען דער פאָרשטעהער פון וויסענשאפט, דער געלעהרטער מאן, איז ניט גענוג מאָראליש, ניט עהרליך, דאן קען ער ניט ערדייכען זיין ספעציעלען צוועק — פערשפרייטען דיא וואהרהייט. פון דער צווייטער זייט פעראכטעט ער אויך אזוינע „אידעאלען“, וועלכע זיינען געגען דיא פראקטיק, געגען דיא וויסענשאפט; ער פעראכטעט דיא מעטאפיזיק, וועלכע זוכט נאָר חקירה צוליעב חקירה און קימערט זיך גאָר ניט וועגען פראקטישען לעבען.

„איך האָב קיינמאָל ניט געקענט גלויבען און גלויב יעצט אויך ניט“ — שרייבט מיכאַילאָווסקי אין איינעם פון זיינע פאָלעמישע ארטיקלען, „אז עס זאָל זיין אונמעגליך צו געפינען אזא שטאנדפונקט, וואו אמת־גערעכטיגקייט און אמת־וואהרהייט זאָלען געהן האנד אין האנד. אויסארבייטען אזא שטאנדפונקט איז יעדענפאלס דיא העכסטע פון דיא אויפגאבען, וועלכע קענען זיך פאָרשטעלען דעם מענשען׳ס געדאנק. און עס איז ניטאָ קיינע קרעפטען און אנשטרענגונגען עס זאָל זיין א׳ן עבירה צו פערלירען אויף דעם צוועק. אָהן שרעק קוקען אין דיא אויגען דעם אמת, דעם אָביעקטיווען אמת און אין דער זעלבער צייט אָפּהיטען דעם אמת־גערעכטיגקייט, דעם סובּיעקטיווען אמת — דאָס איז דיא אויפגאבע פון מיין גאנצען לעבען. ניט קיין גרינגע אויפגאבע איז דאָס.... פראגען וועגען דיא פרייהייט פון מענשען׳ס ווילען, וועגען דיא גרענעצען פון אונזער וויסען. דאַרווין׳ס טהעאָריע, וועגען דיא אינטערעסען און מיינונגען פון׳ם פאָלק, וועגען פילאָזאָפיע, היסטאָריע, עטיקע, עסטעטיק, עקאָנאָמיע, פּאָליטיק, ליטעראטור — האָבען מיך אין אלע צייטען אינטערעסירט נאָר פון דעם שטאנדפונקט פון דיזען גרויסען „צווייאייניגען“ אמת“....

ער איז איבערצייגט, אז עס מוז זיין א געוויסער שייכות צווישען דעם אמת און דעם מענש, וואָס זוכט און פאָרשט נאָך דעם אמת. א מענש, וועלכער האלט ניט טהייער דיא אידעע פון פרייהייט, וועלכער איז פּאָליטיש אינדיפערענט, איז ניט פעהיג צו אירגענד וועלכע אָפּפער און קען אפילו ניט פארשטעהען דעם פרייהייטס־קעמפפער.

באָקל, דער גרעסטער ענגלישער היסטאָריקער, ערקלערט ער, לייקענט אָפּ דיא בעדייטונג פון מאָראלישע עלעמענטען אין דער היסטאָריע דערפאר, ווייל, טראָטץ דעם, וואָס ער איז געווען זעהר עהרליך איבערגעגעבען צו זיין ארבייט און וויסענשאפט, איז ער דאָך געווען אן אמת׳ער בורזשוא.

„דער מענש, וועלכער האָט ניט ענטוויקעלט אין זיך א פּאָליטישען אידעאל, א העכערען פון דעם, מיט וועלכען עס שטעלט זיך צופריעדען יעדער קרעמער, איז ניט אים שטאנד אפּצושאצען דעם גרויסען ווערטה פון׳ם מאָראלישען עלעמענט אין דער היסטאָריע“, זאָגט ער וועגען באָקל׳ען.

דער צוועק פון דעם „נייעם גלויבען“, — דענקט מיכאַילאָווסקי,—בעשטעהט ניט אין דעם אז מען זאָל אויסמעקען דעם אידעאל פון׳ם חשבון, נאָר אין דעם, אז מען זאָל איהם גוט אויספאָרשען, קלאָר מאכען און ברענגען אין הארמאָניע מיט דעם לעבען. דיא הויפּטאויפגאבע פון סאָציאָלאָגיע איז, אז דיא געלעהרנטע מוזען זוכען און געפינען מיטלען, וויא אויסצומיידען דאָס שלעכטע אין לעבען און אנשטאט דעם שאפען גוטעס, גוטעס פאר יעדע איינצעלנע פערזאָן. דער מענש איז א צוועק פאר זיך זעלבסט, ער לעבט פון זיינעט וועגען, דיא געזעלשאפט טאָר איהם ניט איינשלינגען.

ער איז אויך איינפערשטאנען מיט גראף טאָלסטאָי, אז יעדער וואָס שטרעבט צו פערניכטען שלעכטע זיטען, פאלשקייט און פערדאָרבענהייט אין דיא מענשען, איז א נויטיגער פּראָדוקט פון דער היסטאָריע. אזעלכער פאלט ניט אראָפּ פון־פלאַט פון הימעל. ווען דער מענש איז נאָר א בלינדער ווערקצייג פון דער

נאטור, ווארום פאָרדערט מען צו בעשטראָפען גנבים, גזלנים, רויבער? פאר וואָס האלט מען אויף ריכטערס? אויף וואָס נוצען שולען, גימנאזיעס, אוניווערזיטעטען? פאר וואָס זאָל מען בילדען דיא ניעדריגערע קלאסען, דיא מאסע, און פערטרייבען דיא פינסטערנים? אויב דיא היסטאָריע פאָרדערט אז דיא מאסע מוז לעבען אין פינסטערניש, אין אונוויסענהייט, פאר וואָס עס זוכען צו ענדערן? עס איז דארום זעלבסטפערשטענדליך, נאָך מיכאילאָווסקי'ס פילאָזאָפיע, אז עס גיעבען אזעלכע קרייזען, וואו דיא לעהרע, דאָס אלעס וואָס עקזיסטירט מוז בלייבען, דאָס מיר קענען זיך ניט שטעלען אין וועג דער היסטאָריע, איז ריכטיג; אבער עס גיעבען אויך אזעלכע קרייזען, אזעלכע פעלע וואו דיזע לעהרע קען ניט בעפריעדיגען דיא געלעהרנטע און ניט דיא אונגעלערנטע מענשען, וואו זיא שלאָגט זיך אָן אויף יעדען טריט און שריט אויף ווידערשפּרעכונגען און אונזין.

ספּענסער דענקט, אז דיא סאָציאָלאָגיע דארף צייגען, וועלכע אומענדערונגען מוזען פאָרקומען אין דיא מענשען, אום דיא געזעלשאפט זאָל קענען פּראָגרעסירען; מיכאילאָווסקי אבער איז איבערצייגט, אז דיא הויפטזאך, דער העכסטער פונקט אין סאָציאָלאָגיע בעשטעהט אין דעם, אז עס זאָלען זיין קלאָר און דייטליך דיא פערהעלטניסע אין דער געזעלשאפט, ביי וועלכע דיזע אָדער יענע נויטהווענדיגקייט פון מענשען'ס נאטור זאָל קענען בעפריעדיגט ווערען. דער עיקר איז דער מענש, יעדער איינצעלנער מענש.

„מען דארף אימער געדענקען, אז אלערליי פסיכישע פּראָצעסען קומען פאָר אין דעם מענשען'ס נשמה, אז נאָר זיא בעקומט איינדריקע, געפיהלען, אז נאָר זיא דענקט, פיהלט, ליידעט, האָט פערגניגען און אזוי ווייטער."

מיכאילאָווסקי האָט געוואָלט זעהן דיא מענשהייט גליקליך; נאָר דיא מענשהייט האָט ער פערשטאנען ניט וויא א'ן אויסגעמישטע קאשע. יעדער מענש, יעדער סוביעקט איז א גליעד פון דער מענשהייט און מוז זיך בעדיענען מיט דיא פאָרטשריטע פון דער קולטור און הנאה האָבען פון לעבען. דיא גאנצע מענשהייט דארף קעמפפען פאר יעדע זאך, וואָס קען ברענגען נוטצען און גוטעס צו יעדען איינצעלנעם מיטגליעד און מוז זוכען מיטלען וויא אויסצומיידען און אויסוואָרצלען אלעס, וואָס שאדעט איינצעלנע מענשען.

דער מענש און זיין גליק — דאָס איז מיכאילאָווסקי'ס אידעאל.

פ. ראָזענבלאַטט.

# א בליק אין דיא צוקונפט

פינפטער קאפּיטעל.

דיא פאמיליע, דיא הייליגע פאמיליע! דיא פאמיליע, אויף וועלכער דער גאנצער צוזאמענהאנג, דער גאנצער פונדאמענט פון געזעלשאפטליכען לעבען איז בעגרינדעט, וועט דער סאָציאליזמוס אָבשאפען"! שרייען דיא קאפּיטאליסטען און זייערע בעצאָהלטע שרייבקנעכט.

דאָס איז פאלש, וויא אלע אנדערע קאפּיטאליסטישע טענות געגען סאָציאליזמוס. נאָר לאָמיר פריהער אביסעל בעטראכטען, וויא דער פאמיליען־לעבען געהט אָן אין דער היינטיגער געזעלשאפטליכער אָרדנונג.

דיא פיזיאָלאָגיע בעווייזט, אז דיא בעפרידיגונג פון געשלעכטסבעטריעב איז גראדע אזוי נויטווענדיג פאר דעם קערפּער וויא עסען, טרינקען און שלאָפען. חיות, נאָכדעם וויא זיי בעפריעדיגען זייער געשלעכטס־בעטריעב, געהען זיך פאנאנדער; ביי מענשען אָבער — איבערהויפּט ביי ציוויליזירטע מענשען — האָט דיא געשלעכטליכע פערבינדונג אויך אנדערע צוועקען. אויסער טהיערישע, אויסער פיזישע ליעבע, איז נאָך נויטיג געגענזייטיגע סימפּאטהיע, געגענזייטיגע אכטונג, געגענזייטיגע נייגונג. עס איז נייטיג, אום הארמאָניש און גליקליך צו לעבען, אז ביידע זאָלען זיין גלייך ענטוויקעלט.

ביידע זאָלען טהיילען דיזעלבע אנזיכטען איבער מאָראל, איבער דעם ציעל פון לעבען. עס איז אויך וויכטיג, אום גליקליך צו לעבען, אז דיא פיזישע ליעבע זאָל קענען פון ביידע צדדים בעפריעדיגט ווערען, ד. ה., אז דער מאן און ווייב זאָלען זיך ניט שטארק אונטערשיידען אין יאָהרען און אין פיזישע קרעפטען, אויסערדעם מוזען זיי אויך זיין מאטעריעל פערזאָרגט. עס זיינען נאָך דאָ פיעלע אנדערע זאכען, וועלכע בעדינגען דאָס גליק פון פאמיליענלעבען; דיא אויבענדערמאָנטע אָבער זיינען דיא ו ו י כ ט י ג ס ט ע, אָהן זיי איז קיין פאמיליען־גליק ניט מעגליך.

וואָס זעהען מיר אָבער יעצט אין דער ווירקליכקייט? גראדע דאָס געגענטהייל! אנשטאט ליעבע און געגענזייטיגע סימפאטהיע, וועלכע זאָלען צוזאמענבינדען צוויי הערצער, האָט זיך דער הייליגער בונד פערוואנדעלט אין א פראָסטען, געמיינעם געשעפט, אין א בעטריגערישען האנדעל!... עס פערבינדען זיך צוויי פערזאָנען צו פערבריינגען דאָס גאנצע לעבען צוזאמען, צו האָבען און צו ערציהען קינדער — פערזאָנען, וועלכע האָבען נ י כ ט ס אלגעמיינעס צווישען, וועלכע האָבען אפילו ניט דיא קלענסטע אכטונג איינע צו דיא אנדערע. דאָס איינציגע, וואָס פערבינדט זיי איז געשעפט, געלד!! זעהען מיר דען ניט, וויא א יונגע, בליהענדע מיידעל פערקויפט זיך צו איין אלטען, אָבגעלעבטען מאן, אָדער אומגעקעהרט? אמת, זיי האָבען דארויף דיא הסכמה פון א רב אָדער א גלח, וועט אָבער אירגענד וועלכער פערניפטיגער מענש עס ניט בעטראכטען אלס דיא ע ר ג ס ט ע פאָרם פון פראָסטיטוציאָן? קען דאָ זיין דיא רייד וועגען פאמיליענגליק?

ווייטער, דער וואונש זיך פיין צו קליידען און צו לעבען וויא א מענש פון איין זייט, דער קלעגליכער לוין פון דער אנדערער זייט, צווינגט אלץ מעהר און מעהר דיא פרויען צו זוכען „זייטיגע“ איינקינפטע, צווינגט זיי זיך צו ווארפען אין דיא אָרעמס פון פראָסטיטוציאָן, וועלכע האָט זיך אין דער לעצטער צייט געוואלדיג פערגרעסערט. עס איז אויסגערעכענט, אז אין האמבורג קומט אויס אויף יעדע 9 פרויען א י י ן פראָסטיטואירטע. אונטער 2,060,654 געבאָרענע קינדער אין דייטשלאנד אין יאָהר 1900 זיינען געוועזן 179,644 אזעלכע אונגעזעצליכע, וועלכע מען האָט אָבגעגעבען אין פינדעלהייזער. היינט וויפיעל זיינען ניט אָבגעגעבען געוואָרען, וויפיעל האָט מען בשתיקה געטויטעט בעפאָר און נאָך דער געבורט? ... איך מיין, עס איז איבריג צו זאָגען, אז דיא היינטיגע סיסטעם איז דיא הויפט־אורזאכע פון אזעלכע טרויעריגע ערשיינונגען. זאָ, צום ביישפיעל, האָט דער געלעהרטער פאַרענט־דושאטעל אויסגעפונען, אז אונטער פינף־טויזענד גאסען־פרויען האָבען זיך 1440 אָבגעגעבען מיט פראָסטיטוציאָן, ווייל נויטה און עלענד האָט זיי דערצו געטריעבען; 1250 זיינען געוועזען יתומים און מיטעללאָז; 80 אום אלטע עלטערן ערנעהרען צו קענען; 1400 זיינען פערלאָזען געוואָרען פון זייערע ליעבהאבער, וועלכע האָבען צוגעזאָגט מיט זיי חתונה צו האָבען און האָבען ניט געהאלטען זייער פערשפרעכען. דאָס אליין צייגט די „הייליגקייט“ פון דעם איצטיגען פאמיליענלעבען. נאָר דאָס איז נאָך ווייט ניט אלעס.

דער קלעגליכער לוין פון ארבייטער איז ניט גענוג אפילו צו דערהאלטען דיא נשמה. דארום מוזען אויך דיא פרוי און דיא קינדער מיטהעלפען „צו שלעפען דעם יאָך“, דאָס הייסט, זיך פערקויפען אין פאבריק. דורך אָברייסען דיא פרוי פון דער היים און אריינטרייבען איהר אין פאבריק ווערט דער גאנצער בונד פון פאמיליענלעבען, וועלכער איז שוין אזוי אויך שוואך, אין גאנצען צוריסען. דיא קליינע קינדער, בלייבענדיג אָהן אויפזיכט, ווערען פיזיש און מאָראליש קאליקעס. זעהר אָפט שכור'ן אָן דיא אונגליקליכע מוטערס זייערע עופה'לעך איידער זיי געהען אוועק אין פאבריק, כדי דאָס קינד זאָל שלאָפען און ניט „אזוי פיעל“ שרייען. מען קען זיך פאָרשטעלען, וואָס פון אזעלכע קינדער קען אויפוואקסען. דער מאן, קומענדיג נאָך א שווערען טאָג ארבייט אהיים, געפינט דאָס הויז קאלט, שמוציג, פינסטער, דאָס עסען ניט פארטיג; ער און די ווייב זיינען אויפגערעגט, עס הייבען זיך אָן קריגערייען, מחלוקות, דער מאן לויפט פון דעם גהינם, וועלכען מען רופט היים, ער זוכט צערשטרייאונג אין שענק, וואו ער געוועהנט זיך ביסלעכווייז צו שכור'ן און צו פערשפיעלען דיא לעצטע פאָר גראָשען, וועלכע ער מאכט אין פאבריק, דורך וואָס דער עלענד און דיא צרות אין דער היים פערגרעסערען זיך נאָך.

וואָס זאָגט איהר, ליעבער לעזער, וועגען אזא הייליגקייט פון דער פאמיליע, וועגען אזא פאמיליענגליק?! און ביי דיא יעניגע, וועלכע

האָבען צו אזא שרעקליכען, צו אזא שוידערליכען צושטאנד געבראכט, בעוועגט זיך נאָך דער צונג אונז צו בעשולדיגען, אז דיא סאָציאליסטען *וועלען* אָבשאפען דיא פאמיליע!! ניין, ניט מיר *וועלען* אָבשאפען דיא פאמיליע, נאָר איהר האָט *שוין* אָבגעשאפט, צוריסען, פערניכטעט דיא פאמיליע! נאָר דער סאָציאליזמוס וועט ווידער הערשטעלען דיא פאמיליע.

דאָס וואָס עס ווערט איצט פאָרגעשטעלט אלס אידעאל פון פּאָעטען און ראָמאניסטען, וועט פון דיא סאָציאליסטען פערווירקליכט ווערען. אזוי וויא יעדער, ווער עס וועט נאָר וועלען ארבייטען, וועט זיין געזיכערט מיט זיין עקזיסטענץ, אזוי וויא אלע וועלען קריגען גלייכע ערציהונג, אזוי וויא דיא פרוי וועט זיין גלייך בערעכטיגט מיט'ן מאן, דאן וועלען געגענזייטיגע ליעבע און נייגונג זיין דיא הויפט־גרינדע, וועלכע וועלען פערבינדען דעם מאן מיט דער פרוי. און טאָמער וועלען זיי שפּעטער אויסגעפינען, אז זיי האָבען זיך איינע אין דעם אנדערען גענארט, אז זיי פאסען ניט און קענען ניט הארמאָנירען, דאן וועלען זיי אויך אָהנע גרויסע שוויעריגקייטען זיך קענען שיידען, און ניט וויא איצט זיין געצוואונגען צו לעבען צוזאמען כאָטש מען האסט זיך נאָך ערגער וויא דעם טויט. קיינער, ווער עס איז נאָר בעקאנט מיט דעם וויסענשאפטליכען סאָציאליזמוס האָט קיינמאָל ניט בעהויפּטעט, אז אין דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט וועט מען איינפיהרען קהל'שע ווייבעריי אָדער מען וועט אָבשאפען דיא פאמיליע. דער סאָציאליזמוס וועט נאָר אָבשאפען דיא צבוע'צסטווע, דיא נאררעריי, דיא ליגען, וועלכע זיינען איצט פערדעקט מיט דיא *מאסקע פון רעליגיאָן*.

וואָס אנבעלאנגט צו רעליגיאָן, זאָ איז עס ניט דיא *דירעקטע* אויפגאבע פון סאָציאליזמוס מיט איהר מלחמה צו פיהרען. אלע אינטערנאציאָנאלע סאָציאליסטישע קאָנגרעסען האָבען אנערקענט, אז רעליגיאָן איז א פּריוואט־זאך, און אין פּריוואט־אנגעלעגנהייטען וועט מען אין א סאָציאליסטישען שטאאט זיך ניט אריינמישען. גלחים און להבדיל רבנים וועלען נאטירליך ניט אָנגעשטעלט ווערען פון שטאאט; קיינער וועט אָבער ניט שטערען, ווען א געוויסע גרופּפּע פון מענשען וועלען זיך צוזאמעננעהמען און וועלען אויף זייער אייגענעם חשבון אָנשטעלען א רב אָדער א גלח, אָדער זיי וועלען בויען א בית המדרש אָדער א קירכע.

דער סאָציאליזמוס וועט וואָס מעהר פערברייטען וויסענשאפט, און דאָס וועט שוין זיין דער בעסטער אנטידאָט (געגענגיפט) געגען רעליגיאָן. דען וויסען און רעליגיאָן פערטראָגען זיך אזוי וויא פייער מיט וואסער, וויא ליכט מיט פינסטערניס. וואָס שטארקער דאָס איינע ווערט אלץ שוואכער דאָס אנדערע, און אזוי וויא דער סאָציאליזמוס וועט אלעס אָנווענדען, אום וויסענשאפט זאָל ניט זיין בלויז א פּריווילעגיע פון איינצעלנע פּערזאָנען, נאָר זיא זאָל אריינדרינגען אין *אלעמענס* קעפּ, קען מען זיכער זיין, אז דיא רעליגיאָן וועט פון זיך אליין אָבשטארבען מיט דער צייט.

## זעקסטער קאַפּיטעל.

נאָך א זאך, איבער וואָס דיא בורזשואזיע הערט ניט אויף צו פערגיכען ביטערע טרעהרען, איז: „וואָס וועט ווערען מיט דיא קונסט, מיט דיא וויסענשאפט, ווען דער סאָציאליזמוס זאָל מקוים ווערען? ווער, טענה'ן זיי, וועט זיך דאָס אינטערעסירען מיט אזעלכע זאכען, אז דיא הויפּט־פּראגע וועט זיין דער מאָגען? ווער וועט דאָס בעלוינען דיא קינסטלער, אז קיין רייכע וועלען איבערהויפּט ניט עקזיסטירען. אויכער דעם, וואָס פיר א קונסט אָדער וויסענשאפט וועט דאָס קענען זיין, אז דער קינסטלער אָדער דער געלעהרטער וועט מוזען אזוי פיעל און אזוי פיעל שעה ארבייטען וויא א פּראָסטער האנדווערקער?"

הונדערטע אנדערע אזעלכע כלומרשט'דיגע „ארגומענטען" ווערען אָנגעגעבען געגען סאָציאליזמוס. דער לעזער וועט זעהען, אז אויך דאָ וועט אויסקומען דוקא קאפּויר. דאָס הייסט, אז ערשט אין דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט וועלען קונסט און וויסענשאפט זיך ענטוויקלען און אָננעהמען דעם אמת'ן כאראקטער, וועלכער עס פּאסט פיר זיי. עס איז אמת, אז דיא ערשטע און דיא הויפּט־אויפגאבע וועט זיין דיא מאָגען־פּראגע, דען „אם אין קמח אין תורה". דיא ערשטע בעדינגונג, אז קונסט און וויסענשאפט זאָלען זיך ענטוויקלען, איז דאָס לעבענסמיטעל זאָלען אזוי פיעל פּראָדוצירט ווערען, אז א געוויסע קלאסע מענשען זאָלען קענען זיין פריי פון דאגות חיונה און זיך קענען אָבגעבען מיט קונסט אָדער וויסענשאפט. דאָס ערשטע — קמח — וועט אין דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט ניט פעהלען. א חוץ דעם, אזוי וויא דיא שולען און אפילו דיא אוניווערזיטעטען וועלען זיין

פריי פיר יעדען, ווען א קינד וועט נאָר ווייזען א טאלענט צו אירגענד וועלכע קונסט אָדער וויסענשאַפט, וועט מען עס שוין זוכען צו ענטוויקלען און ניט לאָזען אונטערגעהן. וויפיעל מענשען געהען אונטער דורך דיא היינטיגע סיסטעם, מענשען, וועלכע האָבען געקענט זיין טיעפע דענקער, גרויסע פּאָעטען, קינסטלער, שוישפּיעלער א. ז. וו.! זיי ווערען פערלאָרען פיר דיא מענשהייט איינפאך דארום, ווייל זיי האָבען קיין מיטעל ניט, מיט וואָס זיך אויסצובילדען, מיט וואָס צו ענטוויקלען זייער טאלענט. שטעלט זיך פאָר, אז לעוו טאָלסטאָי איז ניט א גראף'ס א זוהן, נאָר א קינד פון א דאָרף־שניידער אָדער א בויער'ס א קינד, וויא מיינט איהר, וואָלט ער דאס געוואָרען, וואָס ער איז? ער וואָלט מסתמא אויך געוואָרען א שניידער, אָדער העכסט וואהרשיינליך, אזוי וויא זיין גרויסער טאלענט וואָלט אין שניידעריי ניט געפונען קיין בעפריעדיגונג, וואָלט ער אנגעהויבען צו שכור'ן, אום צו פערברענגען אין בראנפען זיין געניאליטעט. יעדער, ווער עס האָט געלעזען מאקסים גאָרקי'ס ווערק, האָט געקענט זעהען, אז אונטער דיא גרעסטע שיכורים, אונטער דיא געפעהרליכסטע גנבים, אונטער דיא, וואָס מען רופט אין רוסלאנד „באָסאיא קאָמאנדאָ" אָדער „זאָלאָטאיא ראָטא", געפינען זיך מענשען, וועלכע האָבען געקענט ווערען וועלטבעריהמטהייטען און זיין א ציערדע פיר דיא מענשהייט. נאָר דורך דיא היינטיגע סיסטעם זיינען זיי געוואָרען מענשען, וועלכע שטעלען זיך ניט אָב פיר קיין פערברעכען. וויא פיעל האָט געפעהלט, אז מאקסים גאָרקי אליין זאָל פיר אימער בלייבען אונטער דיא „באָסאיא קאָמאנדא"? בלויז א צופאל האָט איהם געראַטעט און געמאכט וועלטבעריהמט. וויפיעל זשעניאלע פּאָעטען, קינסטלער, דענקער זיינען בשעת זייער לעבען כמעט געשטאָרבען פון הונגער? וויפיעל ערהאבענע מענשען זיינען פערפוילט געוואָרען אין דער תפיסה און וויפיעל זיינען געשטאָרבען אויף דער תליה נאָר דארום, ווייל זיי האָבען געהאט דיא העזה אויסצודריקען אידעען אָדער מיינונגען, וועלכע האָבען ניט געפּאסט פיר דיא הערשענדע קלאסע!

איך רעכען, עס איז איבעריג צו בעווייזען, אז זאָוואס וועט ניט און קען ניט פאָרקומען אין דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט. יעדער מענש וועט ניט נאָר ניט געשטערט ווערען צו ענטוויקלען זיין טאלענט, נאָר אלע מיטעל וועלען אָנגעווענדעט ווערען, אום איהם אין דעם צו העלפען. עס איז אמת, אז קינסטלער געפינען יעצט קויפער פיר זייערע ווערק נאָר אונטער די הערשענדע קלאסען. אָבער וויא טהייער דאָס קאָסט דער קונסט! קריגענדיג א'ן אָפּזאַטץ פיר זייער קונסט נאָר אונטער דיא קאפּיטאליסטען, ווערענדיג, זאָ צו זאגען, פון זיי ערנעהרט, מוזען דיא קינסטלער, ניט־ווילענדיג, שאפען דאָס, וואָס עס געפעללט זייערע ברויט־געבער. ביסלעכווייז געוועהנען זיי זיך דערצו, און דיא קונסט פערוואנדעלט זיך פּשוט אין א דיענסטמיידעל פון דער בורזשואזיע. ניט בעסער שטעהט עס מיט שרייבערס און געלעהרטע. דיא ארויסגאבע פון צייטונגען און זשורנאלען, וואָס עס פאָדערט יעצט געוואלדיגע סומען, ווערט אלץ מעהר און מעהר קאָנצענטרירט אין דיא הענד פון דיא טראָסטס, זאָ דאָס דיא שרייבערס זיינען געצוואונגען אָנצוקומען צו זיי. דאָס הייסט מיט אנדערע ווערטער, אז דער שרייבער איז געצוואונגען, אויב ער וויל נאָר „מאכען א לעבען", צו פערטהיידיגען זייערע אינטערעסען, צו פערטהיידיגען דיא איצטיגע סיסטעם.

גאנץ אנדערש וועט עס זיין אין דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט. שוין איצט זיינען פאָרהאנדען — ליידער נאָך גאנץ וועניג — אָרגאניזאציאָנען, וועלכע גיבען ארויס צייטונגען און זשורנאלען; ארגאניזאציאָנען, וועלכע האָבען זיך געשטעלט צור אויפגאבע צו אונטערשטיצען קונסט, ליטעראטור, הויכע לעהרען, געוויסע רעפאָרמען, א. ז. וו. אין דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט וועלען אזעלכע אָרגאניזאציאָנען זיך געוויס פערברייטען אָהן א צאָהל, זאָ דאָס דער קינסטלער, דער ערפינדער, דער געלעהרטער, א. ז. וו., וועט ניט געצוואונגען זיין אָנצוקומען צו איינצעלנע פערזאָנען און ערפילען זייערע קאפּריזען און קלאסען־אינטערעסען, נאָר ער וועט קענען פריי, אונגעשטערט דיענען דער קונסט און וויסענשאפט. צו ערווערבען רייכטהום וועט זיך קיינער ניט יאָגען, דארום וועט יעדער שרייבען און שאפען בלויז דאָס, וואָס זיין געוויסען און טאלענט הייסען איהם. דאָס לעבען אין א סאָציאליסטישען שטאאט וועט דאָס רוב זיין א געזעלשאפטליכעס, דאָס הייסט, עס וועלען זיין קהל'שע ביבליאָטהעקען, קאָנצערט־זאאלען, טהעאטערע, פערזאמלונגס־

פלעטצער און פערשידענע אנדערע קהל'שע ערטער, וואו דיא מענשען וועלען געמיינשאפטליך פערברייננגען. אזעלכע פלעטצער וועט מען אודאי זוכען צו מאכען וואס שעהנער און אנגענעהמער. מען וועט זיי פערציערען מיט דיא שעהנסטע געמעלדען, מיט דיא בעסטע סטאטוען, מיט דיא קינסטליכסטע ארכיטעקטור, זא, דאס דיא קינסטלער וועלען האבען, וואו צו פערברויכען זייערע קונסטווערקע און וועלען ניט דארפען אנקומען צו איינצעלנע גבירים און צו זייער לאסקע. אויסער דעם, ווער האט דערפון, ווען, צום ביישפיעל, וואנדערבילט אדער ראטהשילד קויפען בעריהמטע בילדער און סטאטוען און שטעלען זיי אוועק ביי זיך אין פאלאץ? זיי און זייערע געסט האבען נור דיא מעגליכקייט צו געניסען דאס פערגניגען עס צו זעהען. ווען אבער קונסטווערק ווערען אויסגעשטעלט אין איין עפענטליכען פלאץ, דאן האבען אלע דיא געלעגענהייט צו געניסען דערפון.

ווייטער דארף מען ניט פערגעסען, אז ווען א ל ע וועלען קריגען גוטע ערציהונג און בילדונג, ווען אלע וועלען זיין פערזארגט מיט לעבענסמיטעל, ווען אלע וועלען האבען גענוג פרייע צייט, דאן וועט י ע ד ע ר קענען שעצען און קענען געניסען דאס פערגניגען פון קונסט און וויסענשאפט, דאס וואס ביי איצטיגע צייט איז נאר דער פאל מיט איינצעלנע גליקליכע. דאס ווידער וועט שטארק פערגרעסערען דיא נאכפראגע פיר אזעלכע זאכען. עס איז א גרויסער טעות אדער, בעסער געזאגט, א געמיינע פערלוימדונג, אז דער ארבייטער שעצט ניט דיא קונסט אדער וויסענשאפט. ווער עס איז בעקאנט מיט דעם ארבייטער ווייס, מיט וואס פיר א הונגער ער שלינגט איין ביכלעך, וועלכע ער איז נאר אים שטאנדע צו קויפען און צו פערשטעהען. ארבייטער קויפען ניט ביכער פיר בעפוצונג, אום אוועקצושטעלען אויף פאליצעס אונבעריהרט, וויא דאס טהוען דאס רוב פון דיא רייכע, נאר זיי לעזען טאקי מיט קאפ, וואס זיי זיינען אים שטאנד צו קריעגען. ליידער זיינען נאך דערווייל פארהאנדען גאנץ ווייניג ביכער פיר דעם ארבייטער, פון וועלכע ער זאל קענען ציהען נוטצען פיר זיך. דאס רוב פון זיי בעשטעהט פון שונד־ליטעראטור, וועלכע פערפינסטערט נאר דעם ארבייטערס מוח. אויך טהעאטערס און קאנצערטען ווערען שטארק בעזוכט פון ארבייטער, וואס עס וועיזט זייער ליעבע צו קונסט פיעל מעהר וויא ביי דיא רייכע. דען דער ארבייטער מוז זיך זעהר אפט אבזאגען פון א נעטהיגע זאך, אום צו קויפען א טיקעט פיר א טהעאטער אדער קאנצערט. היינט ווער רעדט שוין, ווען א ל ע וועלען זיין פערזארגט מיט לעבענסמיטעל, מיט קליידונג און וואהנונג, און עס וועט נאך דערצו איבערבלייבען א סך פרייע צייט. דאן וועט יעדער ניט נאר קענען זיך אבגעבען מיט גייסטיגע פערגניגען, זאנדערן ווער עס וועט זיך נאר פיהלען פעהיג, וועט אליין זוכען זיך צו בעשעפטיגען מיט קונסט און וויסענשאפט. מען וועט עס טהאן ניט אום אזוי פיעל און אזוי פיעל געלד דערפאר צו קריגען, נאר צוליעב דיא קונסט און דיא וויסענשאפט גופא.

דאן וועט דיא מענשהייט זיך צוריקקעהרען צו דעם צושטאנד, וועלכער האט בלויז איין מאל עקזיסטירט אין דער געשיכטע, נעמליך: אין גריכענלאנד אין דער צייט פון פעריקל. דיא פרייע גריכישע בירגער האבען זיך אבגעגעבען מיט קונסט און וויסענשאפט ניט צוליעב געלד, נאר צוליעב דיא קונסט און וויסענשאפט גופא. דער אונטערשיעד צווישען דאן און דעם סאציאל־שטאאט וועט זיין דער, אז אין גריכענלאנד אונטער „פרייע בירגער“ האט מען געמיינט א קליינע הייפעלע פון דיא הערשענדע אריסטאקראטען, וועהרענד אין א סאציאל־שטאאט וועט מען אונטער „פרייע בירגער“ פערשטעהען א ל ע מ ע ן. אין גריכענלאנד האט דיא קליינע צאהל אריסטאקראטען עס געקענט אויספיהרען, ווייל טויזענדע און צעהנדליגע טויזענדע שקלאפען האבען פיר זיי געארבייט; אין סאציאל־שטאאט וועט דעם פלאטץ פון שקלאף פערנעהמען דיא מ א ש י ן.

דיא בעהויפטונג, אז דיא קינסטלער און דיא געלעהרטע וועט מען אונטערווארפען א געוויסע דיסציפלין, איז צו לעכערליך און צו נארריש, אז מען זאל עס דארפען ווידערלעגען. קענט איהר זיך פארשטעללען, אז עס וועלען זיך געפינען אזעלכע משוגעים, וועלכע זאלען זאגען צו א טאלסטאי, צו א בעטהאווען, צו א'ן אנטאקאלסקי: „ר' קרוב, זייט אזוי גוט און שטעהט אויף אום 8 א זייגער אין דער פריה, ארבייט ביז 12, דאן עסט מיטאג און געהט ווידער צו דער ארבייט“. יעדער פערשטעהט, אז א קינסטלער אדער א געלעהרטען מוז מען אין דיזער הינזיכט

איבערלאָזען פֿולע פרייהייט צו שאַפֿען דאָ און אזוי, ווען און וויפיעל ער האָט דערצו חשק.

* * *

פון מיינע ארטיקלען האָט דער לעזער גע־קענט זעהען, אז פון דיא אלע בעשולדיגונגען, וועלכע מען ברענגט געגען סאָציאליזמוס און מיט וועלכע מען וויל אָבשרעקען דיא אונוויסענ־דע מענשהייט, לאָזט זיך אויס דוקא קאַפויר. ער האָט געקענט זעהען, אז דאָס וועט זיין א געזעלשאפטליכע אָרדנונג, וואו הונגער, נויטה און עלענד וועלען אויפהערען צו זיין דיא שטענ־דיגע בעגלייטער פון דיא, וועלכע שאַפען אלעס; דאָס וועט זיין א געזעלשאפטליכע אָרדנונג, וואו אלע וועלען זיין גלייך צווישען גלייכע און קיינער וועט ניט זיין אונטערטהעניג צום אנדערען; דאָס וועט זיין א געזעלשאפטליכע אָרדנונג, וואו די מענשען וועלען זיין גרויס ניט דערפאר, ווייל אלע איבעריגע וועלען זיין פער־קריפעלטע קאליקעס, נאָר גרויס צווישען גרויס, גרויס אין פערגלייך מיט מיטעלמעסיגע געביל־דעטע מענשען; דאָס וועט זיין א געזעלשאפט־ליכע אָרדנונג, וואו יעדער וועט שטאָלץ, ניט־געביינגט רעקען זיין קאָפ אויף זיינע פלייצעס, ווייל ער וועט פון קיינעם ניט דארפען זיין אבהענגיג; דאָס וועט זיין א געזעלשאפט־ליכע אָרדנונג, וואו יעדער וועט ניט נאָר בעפרי־דיגען דיא פיזישע בעדירפניסע, נאָר ער וועט געניסען דיא העכסטע גייסטיגע פערגניגען; דאָס וועט זיין א געזעלשאפטליכע אָרדנונג, וואו יעדער וועט זיין גליקליך, זיין גליק וועט אָבער ניט זיין געבויט אויף דעם צושטערטען גליק, אויף דעם רואינירטען לעבען פון הונדערטע און טויזענדע אנדערע, נאָר ער וועט זיין א גליק־ליכער צווישען גליקליכע.

דארום שטרעבט צו עררייכען, שטרעבט צו דערנעהענטערן דיא גליקליכע, הייליגע צוקונפט! זייט וויסען, אז זיא איז ניט שטארק ווייט פון אונז! דער האָריזאָנט פארבט זיך פורפור־רויט — א צייכען, אז דיא הערליכע זונן האלט ביים אויפגעהן. און קיינע וואָלקענס, קיין געוויטער, קיינע כמארעס זיינען ניט אים שטאנד צוריק־צוהאלטען דעם אויפגאנג פון דיא מאיעסטעטי־שע זונן, וועלכע וועט איבער דער גאנצער ערד פערשפרייטען ליכט, וואַרימקייט, לעבען, פריידע און גליק פיר אלעמען...

דר. איזאַק אָרטמאַן.

# דיא גרויסע וועלט=דראמע*

## איינלייטונג.

דיא וועלט־געשיכטע איז א דראמא. דיא ענט־וויקלונג פון'ם מענ־שען'ס גייסט, זיינע מאַטעריעלע ערוואָר־בונגען, זיינע אידע־אליסטישע שטרעבונ־גען, זיין שווערער קאַמפף און זיינע ליידען, זיין פּראָגרעס און שווערע ארבייט, זיינע בלוטיגע מלחמות און צו־זאמענשטויסונגען, — דאָס אלעס איז א גרויסע שוישפיעל, א וועלט־דראמא.

וויא אזוי געהט דיא ענטוויקלונג פון שויש־שפיעל? פריהער קומט דיא טראגעדיע, (גרי־כענלאנד), נאכהער קאָמעדיע (רוים) און דראמא (דיא מאָדערנע וועלט). טראגעדי — דאָס איז דער בלינדער גלויבען, דער פאטאליזם: דער שיקזאל פון מענשען איז אין דיא הענד פון דיא געטער. קאָמעדי — דאָס איז דיא ערוואכונג פון דעם קריטישען געדאנק: דער מענש הויבט

(*) דריי פון דיזע ארטיקלען אונטערן זעלבען נאָמען זיינען געווען געדרוקט אין דער „פרייע געזעלשאפט“. איניגע מיינע פריינדע און דער רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט“ האָבען מיך געבע־טען צו ענדיגען דיא גאנצע סעריע און דארום ווערען איצט דיזע ארטיקלען איבערגעדרוקט. — איך האָב זיי איצט א ביסעל פערגרעסערט און אויס־געבעסערט. נו, עס איז א בעשערטע זאך און איך קען זיך ניט העלפען — איך וועל מוזען ענדיגען. נאָך „פראָמעטעאוס'ן“ און „איוב'ן“ וועלען קומען „האמלעט“, „פאוסט“ און דיא מאָדערנע סאָציאלע דראמא. — יעקב גאָרדין.

אָן צו לאַכען פון דעם, וואָס איז פערגעטערט, און שפּאָטעט פון דעם, וואָס האָט איהם גע־שראָקען. דראמא— דאָס איז טהעטיגקייט און זעלבסט־בעוואוסטהייט: דער מענש נעהמט זיין שיקזאַל אין זיינע אייגענע הענד.

אין אָנפאַנג איז דאָס לעבען פון דער מענשהייט א טראַגעדי. דער מענש איז הילפ־לאָז, אונטערוואָרפען, אונטערדריקט פון דיא געהיימע קרעפטע דער נאַטור, וועלכע ער פער־געטערט. ער איז אבהענגיג פון א מאַכט, וועל־כע איז אויסער איהם. ער איז אזוי שוואך און ערשראָקען, דאָס ער האָט מורא צו שפּיעלען א ראָלע אין זיין אייגענע שוישפּיעל. איהם שרעקט דאָס, וואָס ער קען ניט בעגרייפען. אַלעס וואָס עס איז אונלאָגיש אין זיין לעבען, ערקלערט ער און פערענטפערט מיט'ן וואָרט שיקזאַל, מזל. ער איז פּאַססיוו. אין דעם ליגט דיא טראַגעדי.

אָבער דער מענש וואַקסט, זיין בליק ווערט קלאָרער. ער הויבט אָן צו פערשטיין זיינע איי־גענע שוואַכהייטען און דיא שוואַכהייטען פון זיינע אַטאָריטעטען. אַלעס וואָס איז אונלאָגיש און קאַרריקאַטוריש, צווינגט איהם צו לאַכען, נעגען דעם בלינדען מזל טרעט ער ארויס מיט איראָני און געגען דאָס קאָמישע פון מענשענס לעבען מיט שפּאָט. דער קאָמיזמוס שוואַכט אָב דאָס טראַגישעס. דיא קאָמעדי פיהרט צום סקעפּטיציזמוס.

דאַן קומט דיא העכסטע שטופּע פון מענ־שען'ס ענטוויקלונג, — דיא דראַמא. דער מענש שאַפט אַליין זיין היסטאָרישען לעבען, קאָנ־טראָלירט דיא אומשטענדע, פאָרשט און בע־הערשט דיא אויסערע וועלט, דיא נאַטור, האַנ־דעלט, טהוט, שפּיעלט אַליין זיין ראָלע אין זיין שוישפּיעל און ליידעט אַליין פון דיא דראַמאַ־טישע קאָליזיאָנען, צוזאַמענשטויסונגען. ער ווערט אַקטיוו. אַקטיוויטעט און זעלבסט־בע־וואוסטהייט — דאָס איז דראַמא.

דאָס אַלגעמיינע היסטאָרישע לעבען פון דער גאַנצער מענשהייט איז טראַגעדי, קאָמעדי, דראַמא!

I

א קלוגער מענש האָט אַמאָל געזאָגט: „דיא וועלט איז א קאָמעדי פיר דעם וואָס דענקט און א טראַגעדי פיר דעם וואָס פיהלט". עס קען זיין, עס איז אזוי; אָבער מען מוז דערצו נאָך צוגע־בען דיעזע בעמערקונג: פיר דעם מענשען אָבער, וואָס פיהלט און דענקט צוזאַמען, איז דיא וועלט א דראַמא. אום איהר זאָלט קענען בע־סער פערשטעהן אונזער געדאַנק, מוזען מיר גע־בען אם ווייניגסטען א קורצע ערקלעהרונג וועגען דיזע דריי פאָרמען פון דער דראַמאַטורגיע. עס איז נויטווענדיג צו וויסען, וואָס איז דער אונ־טערשיד צווישען קאָמעדי, טראַגעדי און דראַמא?

אין א טראַגעדי שפּיעלט דיא פערזענליכע איניציאַטיווע פון א מענשען און זיין אייגענער ווילען זעהר א קליינע ראָלע. דיא טרויעריגע ענדע פון דיא געשילדערטע עראייגניסע היינ־גען ניט אָב פון דיא פּערזאָנען און ניט פון דיא אומשטענדען, וועלכע דער מענש בעשאַפט. א מאַכט, וועלכע מען קען ניט בעגרייפען; ערשיי־נונגען, וועלכע קומען, דוכט זיך, גאָר אָהן אור־זאַכען; א צופעליגער אונגליק, א שלים־שלי־מזל ברענגט דיא טראַגישע אויפלעזונג. דער שוואַכער מענש דענקט ניט; ער פיהלט נור זיין שוואַכהייט און הילפלאָזיגקייט. ער איז צו־דריקט און צושמעטערט פון א דעספּאָטישער קראַפט, וועלכע ער קען ניט קאָנטראָלירען און מיט זיין ווילען פערענדערען.... אין א טראַגעדי בענוצט זיך דער דיכטער מיט דיא פאַטאַלע עלעמענטען פון אונזער לעבען; דאָס הייסט, אַזעלכע ערשיינונגען, וועלכע דער מענש קען ניט ערקלערען און גלויבט, אז זיי קומען פון מזל, אָדער פון א קאַפּריזנעם מעכטיגען גאָט. דער מענש, וואָס פיהלט נאָר און דיינקט ניט, רע־כענט דאָס לעבען פיר א טראַגעדי.

דאָס לעבען פון מענשען איז, פּונקט וויא א „געטע" אידישע היסטאָרישע אָפּערא, פול מיט אונלאָגישע איבערראַשונגען, לעכערליכע ווי־דערשפּריכע, אונערקלערליכע צוזאַמענשטויסונ־גען, „אָהן פאַר־וואָס־דיגע" קאָמישע ערגעבני־סע, נאַרישע מנהגים און זיטטען, וועלכע מאַכען דעם מענשען פאַר א לעכערליכען אין שוואַכען שקלאַף. דער געניאַלער מענש אָדער טויגע־ניכטס, דער דיינקער אָדער דער גראָבער נאַרר, — אַלע שפּיעלען אין לעבען, מעהר אָדער ווייני־גער, א קאָמישע ראָלע און זיינען, ווילענדיג אָדער אונווילינדיג, פערסאָנאַזשען אין דיזער אונגעשיקליכער און אונגעלומפּערטער וועלט־קאָמעדי.

אויב א דיכטער קען זיך אויף דיא פליגלען פון זיינע געדאַנקען, אויפהויבען העכער פון די־זער קאָמישער זייטע פון אונזער מאַרק־לעבען,

אויב ער קען מיט זיין קאַלטען, קריטישען גע־
דאנק, אָהן דיא מיטווירקונג פון זיינע געפיהלע,
אויפפאַסען און ריכטיג אָבשעצען דיא קליינ־
ליכקייט און ביליגקייט פון דיזע קאָמיישע ער־
שיינונגען, — איז פיר איהם דאָס לעבען פון א
מענשען א לעכערליכע קאָמעדיע, א קאָמעדי פון
טעות'ן און אונלאָגישע צופעלע. ער זעהט דעם
גרויסען חכם, וואָס רופט זיך מענש אין
מאַנטעל פון א פּאַיאַץ; ער זעהט דעם
קעניג פון אלע בעשעפּעניסע אין א מיצעל פון
א נאַרר, און פיהרט איהם אין אזא צושטאנד
ארויס פיר'ן פובליקום.

אין א קאָמעדי ווערען ריכטיג אילוסטרירט
דיא קליינליכע שטרעבונגען פון דעם מענשען,
זיין שוואכהייט, זיין קורצזיכטיגקייט אין זיינע
וועלט־אנשויאונגען, דיא אייטעלקייט פון זיינע
פערלאַנגען, די אָבגעשמאַקטקייט פון זיינע טראַ־
דיציאָנען. אין א קאָמעדי ווערן געשילדערט דיא
לייד'ענשאַפטען פון'ם מענשען, דער קאַמפּף פון
זיינע אינטערעסען נור פון זייער קאָמישען כאַ־
ראַקטער־אויבדרוק. דער סאַטירישער דיכטער
זאָגט אונז מיט זיין קאָמעדי: זעהסט, דאָס אלעס
וואָלט געקענט זיין זעהר טרויעריג, ווען עס זאָל
ניט זיין אזוי לעכערליך. דער גרויסער פראַנצוי־
זישער דיכטער מאָליער, וועלכער האָט געשריע־
בען נור קאָמעדיען, רופט זיך ניט אומזיסט דער
גאָט פון לאַכען. דער גרויסער דענקער און
אמת'ער קינסטלער, וואָס בעאָבאַכטעט דאָס לע־
בען נור מיט זיין קאַלטען זינן, בעטראַכטעט די
וועלט אלס א קאָמעדי, פיר וועלכע דער מענש
פערדיענט צו ווערען אָבגעשפּאָטעט און אָבגע־
לאַכט.

אין א דראַמא, פערקעהרט, איז ניטאָ קיינע
צופעליגע און פאַטאלע ערשיינונגען. יעדע ער־
געבניס האָט איהרע געזעצליכע, נאַטירליכע
אורזאַכען, יעדע עראייגניס קומט נור הערויס
פון געוויסע אומשטענדע, וועלכע מיזען עקזי־
סטירען. אין א דראַמא שטאַרבט מען ניט און
מען ווערט ניט אונגליקליך אָהן א פּאַר וואָס,
אָדער דורך א נאַררישען צופאַל; דיא דראַמאַ־
טישע אויפלעזונג וואַקסט נאַטירליכערווייזע
ביז זיא ווערט רייף און יעדע ערשיינונג קען
מען גרינדליך ערקלעהרען. דיא סיטואַציאָן און
דיא אומשטענדען זיינען פּראָדוקטען פון דער
האַנדלונג, פון דער אקטיוויטעט פון דיא, וואָס
נעהמען אנטהייל אין דער דראַמא. קיין זאַך
קומט ניט אָהן א פּאַר וואָס. דער דיכטער,
וואָס שרייבען דראַמען, זאָגט אונז: מען דאַרף
ניט נור דיינקען, אָדער נור פיהלען — ווילסטו
פערשטעהן דעם מענשען'ס לעבען־וועלט? פיהל
און דיינק צוזאַמען.

אונזער מענשליכעס לעבען איז א גרויסע
דראַמאַטישע ווערק, וואָס ווערט פיר אונז יעדען
טאָג געשפּיעלט אויף דער גרויסער וועלט־ביהנע.
אין דיזער סאָציאָלאָגישער דראַמא זיינען דאָ
ראָלען פיר א פּאָעטער־ראַליסט און א „ווילעין“,
פיר א ליעבהאָבער און אן אינטריגאַנט, פיר א
כאַראַקטער קאָמיקער און פיר א סוברעטין, פיר
א קייזערליכען האָפּס־נאַר און פיר א גאַסען־רע־
זאָנער, פיר דעם קליגסטען חכם און פיר דעם
גרעסטען שוטה, פיר דעם עדעלסטען אידע־
אַליסט און פיר דעם מגושם'דיגען מאַטעריאַ־
ליסט, פיר דעם העלד און פיר דעם מאַרטירער.
עס איז, וויא מען שרייבט אין דיא אפּישען, א
ריעזען־פּערזאָנאַל... דיעזע גרויסע דראַמא האָט
זעהר פיעל סצענען, ערשיינונגען, עפּעקטען און
זיא גיט גענוג מאַטעריאַל פיר יעדען. עס איז
דאָ וועגען וואָס צו דיינקען און וואָס מיט'ן
הערץ צו פיהלען; עס איז דאָ פון וואָס צו לאַ־
כען און וועגען וואָס צו וויינען.

ביי דיא אלטע גריעכען זיינען געוועזען בע־
ריהמטע צוויי פילאָזאָפען. איינער האָט זיך
גערופען דעמאָקריט דער לאַכע־
דיגער, ווייל ער האָט געלאַכט פון דער
וועלט; דער אנדערער האָט זיך גערופען הע־
ראַקליט דער וויינענדיגער,
ווייל ער האָט דיא וועלט בעוויינט. מען זאָגט,
אז דער ערשטער האָט געלאַכט פון נאַראָנים,
דער צווייטער האָט בעוויינט שופטען!.... אָבער
דאָס לעבען בעשטעהט ניט נאָר פון בעוויינען
(טראַגעדי) און אויסלאַכען (קאָמעדי)—דאָס לע־
בען בעשטעהט הויפּטזעכליך פון טהאָן, פון
טהעטיגקייט (דראַמא). דיא מענשען־וועלט בע־
שטעהט ניט נור פון נאַראָנים און שופטען.
קלוגהייט און דומהייט, גוטעס און שלעכטעס,
נידריגעס און ערהאַבענעס זיינען צוזאַמענגע־
פלאָכטען אין דער מאַטעריע, וואָס דאָס לעבען
וועבט, און דאָס אלעס צוזאַמען בעשאַפט דיא
וואונדערבארע דראַמא פון לעבען.

„גראָה, ליעבער פריינד, איזט אללע טהעאָריע,
און גרין — דעם לעבענס גאָלדענער בוים....“

דער קאַלטער דיינקער און בעאָבאַכטער
קלעטערט ארויף אויף דיא הויכע שטופען פון
אנאַליז און קריטיק און קוקט פון דאָרט אראָפּ

אויף דער וועלט און דעם מענשען׳ס לעבען, ווי אויף א קאָמעדי. ער פעראכטעט א ביסעל דעם מענשען׳ס קליינינגקייט און צווייפעלט, אויב דערפון, וואָס עס עקזיסטירט אין זיין לעבען, קען עטוואָס בעסערעס ארויס. דאָס איז סקעפּטיציזם.

דער פיהלענדער מענש שרעקט זיך פיר דיא ערשיינונגען, וועלכע פיהרען צו א טראגישע ענדע... ער קען זיך ניט ערקלעהרען, ווארום דארף מען ליידען און קעמפּפען, ווארום ענדיגט זיך דער ספּעקטאקעל פון לעבען מיט טויט און פערניכטונג, און ער ווערט פערצווייפעלט. דאָס איז פּעסימיזם.

דער וואָס דיינקט און פיהלט, קען ניט צווייפלען, פעראכטען און פערצווייפעלט זיין. איהם שרעקען ניט דיא ערשיינונגען, ער זוכט צו קעמפּפען געגען דיא אורזאכען, וועלכע בעשאפען זיי, און שטרעבט צו פערענדערען דיא אומשטענדען, וועלכע רופען זיי הערויס. ער וויים, דאָס אין דיזער וועלט־דראמא קומט קיין זאך ניט דורך א צופאל, און דאָס דער צופאל אליין קומט דורך געוויסע געזעצליכע אורזאכען. א דראמא איז דאָס! דער קאָסמאָס, דיא אלל־וועלט גיט איהר זיינע דעקאָראציאָנען און אויסשטעלונג. דיא אלגעמיינע געשיכטע גיט איהר סיוזשעטען, סאָציאָלאָגיע גיט איהר טיפּען און כאראקטערע!...

מערקווירדיג, דיא פרוי, וועלכע שפּיעלט אזא אונבעדייטענדע ראָלע אין אונזערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פערהעלטניסע, פערנעהמט אין דעם דראמאטישען עלעמענט פון אונזער היסטאָרישען לעבען א אויסער־אָרדענטליכען פּלאַץ. אין דער טהעאטער־קאָמפּאַני, וואָר שפּיעלט דיא וועלט־דראמא, איז זיא דיא „ליידינג־ליידי". ווען דער מענש וויינט און בעקלאָגט זיין לעבען, בעשולדיגט ער אין א גלייכער מאָס דיא מוטער־ערד און דיא מוטער־פרוי. ביידע זיינען שטענדיג געוועזן דיא פּאָרשטייערינס פון דעם שרעקליכען טראגישען עלעמענט פון לעבען — אונבעשטענדליכקייט און שטערבליכקייט.

דיא ערד איז געוועזן דער מקור פון אלע קראנקהייטען און ליידען. איהר פריהלינג האָט נור געוויזען איהר אונבעשטענדליכקייט. דיא שעהנע בליהענדע טעג פלעגען זיך באלד פערבייטען אין דיא טרויעריגע קאלטע טעג פון ווינטער. איהר לעבען און פרוכטבארקייט פלעגען באלד פערשוואונדען ווערען און אָנשטאָט זיי פלעגט קומען דער קאלטער טויט און פערניכטונג.... דיא פרוי האָט דער מענש באלד צוגעגליכען צו דער ערד. זיא האָט ביי דער ערד גענומען דיא פונקציאָנען פון לעבען און טויט, פון פּראָדוקציאָן און פערניכטונג. אלע מאָראַליסטען און רעליגיאָנס־לעהרער פון דיא אלטע צייטען האָבען גערעכענט דיא ערד פיר א טהאָל פון געוויין און טרויער, פיר א בית עולם פון פערניכטונג און טויט. דיא פרוי האָט מען אויך געגעבען דעם זעלבען כיבוד. מען האָט זי גערעכענט פיר אן אונווירדיגע כלי, וועלכע איז פול מיט אונבעשטענדליכקייט.... אלע שלעכטע מעלות האָט מען איהר געגעבען, זיא איז געוועזן גיפטיג וויא א שלאנג און זינדיג וויא א טייוועל. ווען מען איז ניט געבוירען געוואָרען איז ניט געוועזן קיין טויט!... דער מענש האָט געזעהן, דאָס מיט ווייטאָגען ווערט מען געבוירען און מיט א פירכטערליכע אגאָניע געהט מען אוועק פון דער וועלט. און דיזע שרעקליכע אויפלעזונג פון דער לעבענס־דראמא האָט איהם געשראָקען, געמאכט אונצופריעדען און אונרוהיג.

דער רעליגיעזער געזעצגעבער ב ו ד ד א האָט געלעבט גליקליך אויף דער וועלט. ער האָט געהאט פיעל פערגניגען און האָט זיך אמוזירט. ער האָט זיך ניט געפּלאָגט מיט קיין וועלט־שמערצען און האָט זיך ניט געגריבעלט. ער האָט שוין געהאט 84 טויזענד ווייבער און האָט פיעללייכט געקליבען זיך נאָך א פּאָאר טויזענד מאָל חתונה צו האָבען... איינמאָל אָבער האָט ער אונערוואָרטעט בעגעגענט דיזע פיער פיגורען: ע ל ט ע ר, ק ר א נ ק ה י י ט, אָ ר י מ ק י י ט און ט ו י ט. ער האָט באלד פערלאָרען זיין רוהיגקייט און צופרידענהייט. ווארום דארף מען דיזע צרות און יסורים? שווינדעלט דער מענש אליין זיך ניט אָב מיט זיינע פערגניגענס? נאָך וואָס זאָל מען ווייבער נעהמען, אום צו פערמעהרען דיא, וועלכע ווערן געבוירען צו שטארבען? דאָס לעבען איז א טראגעדי און דאָס שטארבען איז א שרעקליכע אונגערעכטע ערשיינונג.... דיזע בעטראכטונגען האָבען איהם געפיהרט צו דער איבערצייגונג, אז „דאָס זיין און דאָס ניט־זיין איז דאָס זעלבע".... בודדא האָט אויסגעפונען א מיטעל צו פערזיסען דיא ביטערע טראגעדי פון לעבען. ער האָט אויסגעטראכט אזא ליידיגע עוויגקייט, וועלכע ער האָט אָנגערופען „נירוואנע", וואהין אלעס

קעהרט זיך אום נאָך'ן טויט, וואו קיין „זיין" קען ניט שטאַרבען, ווייל עס ווערט ניט גע־בוירען, וואו קיין זאַך ווערט ניט פערניכטעט, ווייל עס ע ק ז י ס ט י ר ט  נ י ט, און וואו אלעס עקזיסטירט עוויג, ווייל דאָרט איז ניטאָ קיין טויט און פערניכטונג.... נאָך דיזע אידעע איז דאָס לעבען גאָרניט, און דאָס וואָס קומט נאָך'ן טויט — אלעס.... דער מענש, וועלכער האָט זיך געשראָקען פאַר'ן לעבען וויא פאַר א שרעקליכע טראַגעדיע, האָט געוואָלט אָבנאַררען דעם טויט מיט דעם וואָס ער האָט פערניינט דאָס לעבען.... דאָס לעבען אָבער איז אונאָב־הענגיג פון'ם מענשען'ס פעסימיסטישען נ י י ן.

עס איז א דראַמאַ, פול מיט טהעטיגקייט און האַנדלונג.

„דער טויט איז דיא קיהלע נאַכט,
דאָס לעבען איז דער שווילע טאָג....
עס דונקעלט שוין, מיך שלעפערט —
דער טאָג האָט מיך מיעד געמאַכט.
איבער מיין בעט ערהויבט זיך איין בוים,
דרין זינגט דיא יונגע נאַכטיגאַל;
זי זינגט פון לויטער ליעבע,
איך הער עס זאָגאַר אין טרוים...."

יעקב גאָרדין.

# רעאַליזמוס און זיינע נוצען

I.

דאָס איז א רעאַליסטישעס ווערק? פיעלע מיינען, אז יעדעס ווערק, וואו עס ווערען נור געשילדערט דיא געשלעכטליכע פערהעלטניסע צווישען אן אדם און א חוה'ן, איז א רעאַליסטישעס ווערק.

ניט נור דיא מייסטע אידישע לעזער פערשטעהען אזוי רעאַליזמוס, זאָנדערן אפילו אויך דיא מייסטע פון דיא „געעהרטע" קריטיקער אין אונזערע אידישע צייטונגען.

„דער רעאַליזמוס מוז בעקעמפּפט ווערען אים נאָמען פון „טהרת המשפחה" — שרייען מאנכע צייטונגען, וויזענדיג דערמיט, אז אונטער „רעאַליזמוס" פערשטעהען זיי דיא „אונמאָראַלישע" פערהעלטניסע צווישען מאַן און פרוי. און פערשטעהט זיך, אז יענע צייטונגס־הערויסגעבער און שרייבער, וואָס ביי זיי איז א פרוי א מין מזוזה, רחמנא לצלן, נור מיט דער האנד אָנצוריהרען, — קענען דאָס ניט ערלויבען אזא מין „הפקר פעטרישקע", וויא רעאַליזמוס אין אונזער ליטעראַטור.

איז עס אָבער ווירקליך אזוי, אז נור ד אָ ס  ו ו ע ר ק איז א רעאַליסטישעס, וואָס בעשעפטיגט זיך מיט דיא געשלעכטליכע פערהעלטניסע צווישען מאַן און פרוי? און בעשעפטיגען זיך דען איבערהויפּט נור רעאַליסטישע שרייבער מיט דיזע טהעמאַס?

איינס פון דיא גרעסטע רעאַליסטישע ווערק פון אונזער יאַהר־הונדערט איז הויפּטמאַן'ס „דיא וועבער", און דיזעס ווערק, וויא מיר ווייסען, האָט אבסאָלוט ניט וואָס צו טהאָן מיט דער געשלעכטליכער פראַגע; נאָך מעהר, אין „דיא וועבער" איז אפילו ניטאָ קיין געוואוינליכער ראָמאַן, אפילו קיין „מאָראַלישער" ראָמאַן. דאָס גאַנצע ווערק שילדערט נור אן עקאָנאָמישען קאַמפּף צווישען ארבייטער און זייער באַס. אין דעם „פאָלקס־פיינד" פון איבסען ווערט אויך ניט בעהאַנדעלט דיא טהעמאַ וועגען דיא געשלעכטליכע פערהעלטניסע צווישען מאַן און פרוי און דאָ איז אויך ניטאָ קיין ראָמאַן.

קורץ, מיר קענען אָנווייזען נאָך אויף

צעהנדליגע און צעהנדליגע ווערק פון גרעסערע און קלענערע שרייבער אין דער וועלט-ליטעראַטור, זאָגאר אין אונזער אייגענער אָרעמער אידעשער ליטעראַטור, וואָס ענטהאַלטען אין זיך ניט אפילו קיין געוואוינליכען ראָמאַן, און דאָך זיינען זיי רעאַליסטיש. אין אונזער אידעש-אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז גאָרדין'ס בעסטע ווערק „מירעלע אפרת" אויך אָהן א ראָמאַן.

דיא צוויי גרעסטע רעאַליסטישע ווערק אין רוסלאַנד אין דיא 40-ער יאָהרען, ד. ה. פיעל פריהער, איידער דער רעאַליזמוס אין מעריב-אייראָפּא האָט זיך פאָרמולירט, וויא מיר וועלען שפּעטער זעהן, זיינען געווען גאָגאָל'ס „טויטע זעעלען" (מיאָרטוויא דושי), און „רעוויזאָר", און דיזע ביידע רעאַליסטישע ווערק זיינען אויך אָהן א ראָמאַן.

און פערקעהרט, דיא פערהעלטניסע צווישען מאַן און פרוי זיינען פון אויביג אָן געשילדערט געוואָרען ניט נור פון וועלטליכע שרייבער, וואָס זיינען ניט געווען קיין רעאַליסטען, נור אפילו פון דיא, וואָס האָבען צונויפגעשטעלט דיא הייליגע ספרים... און געשילדערט טאַקי ניט אויף'ן וואונק, ניט פערדעקט מיט שלייערען און פייגענבלעטער און אפילו ניט מיט פיעל פינטעלאך יוצא געווען, נור טאַקי געשילדערט מיט אָפענע דבורים, וואָס אויף'ן לונג, דאָס אויף'ן צונג....

נעהמען מיר דיא אָפענע מעשה, וויא אזוי אונזער טאַטע אברהם האָט געמאַכט ביזנעס מיט זיין ווייב שרה'ן אפריהער ביי דעם מלך מצרים און שפּעטער ביי אבימלך מלך גרר....

שרה האָט קיין קינדער ניט געהאַט. האָט שרה געזאָגט צו אברהם'ען: „גאָט האָט מיך אָפּגעהאַלטען פון צו האָבען קינדער, בעהעפט זיך, איך בעט דיך, צו מיין דינסט-מויד הגר, טאָמער וועט זיא פון דיר שוואַנגער ווערען און וועט האָבען קינדער, וועל איך זיי האַלטען פיר מיינע. און אברהם האָט איהר צוליעב געטאָן"....

יעקב אבינו פערליעבט זיך אין דער שעהנער רחל און דיענט אָב לבן'ען פיר איהר 7 יאָהר. און אז לבן דער בלאָפער שפּאַרט איהם אריין דיא פער'צרה'טע לאה'ן מיט דיא רויטע, פערוויינטע אויגען, פיר א ווייב אָנשטאָט דער שעהנער רחל'ען, דיענט יעקב לבן'ען נאָך 7 יאָהר, אום נור צו קריגען רחל'ען און שטילען זיין פערליעבטע הארץ...

ווען רחל האָט דערזעהען, אז זיא האָט קיין קינדער ניט, האָט זיא זיך געווענדעט צו יעקב'ן בזה הלשון: „דאָ איז מיין דיענסט-מויד בלהה, קום צו איהר און לאָז זיא האָבען קינדער אויף מיינע קניע"... און יעקב האָט איהר געפאָלגט...

דיא מעשה וויא פיר א ביסעל דודאים, וואָס רחל קריגט פון לאה'ן, לאָזט זיא אָפּ לאה'ן איהר מאַן יעקב'ן פיר א גאַנצע נאַכט.... דיא מעשה, וויא אזוי יהודה לעבט א גוטען טאָג מיט זיין שנור תמר און וויא אזוי ראובן פאַסט ניט קיין תעניתים מיט זיין טאַטענס קעפּס-ווייב; דיא מעשה וועגען פּטפר'ס ווייב, וואָס וויל פערגוואַלדעווען יוסף'ן; דיא געשיכטע פון רות און בועז, וועלכע ליגט זיך שלאָפען דוקא צווישען זיינע פיס... דיא שטורמדיגע ליעבע פון דעם גוואַלדיגען ראָמאַנטישען „שיר השירים" דיא אָפענע שפּראַכע, פול מיט קאָכענדע ליידענשאַפט: „ישקני מנשיקות פיהו, כי טובים דודיך מיין", — קוש מיך מיט דיא קושען פון דיין מויל, דיין ליעבע איז זיסער פון וויין". אָדער: „שני שדיך כשני עפרים תאומי צביה, הרועים בשושנים — דיינע צוויי בריסט זעהען אויס, וויא צוויי יונגינקע הירשעלאך, א הירשינס א צווילינג, וואָס פאַשען זיך אונטער ליליען". אָדער: „וויא שעהן און וויא ליעבליך ביזטו, ליעבע, אין דיינע רייצען.... דיין וואוקס איז וויא א פּאַלמע, דיינע בריסט, וויא טרויבען. האָב איך מיר געזאָגט: איך וועל ארויפקריכען אויף דער פּאַלמע, וועל זיך אָנכאַפּען פיר איהרע צווייגען און דיינע בריסט וועלען דאַן מיר זיין וויא דיא טרויבען פון א וויינגאָרטען און דיין אָטהעם וועט אויף מיר אָטהעמען מיט דעם דופט פון עפּעל"... (שיר השירים). דיא מעשה פון מגלת אסתר, וויא אזוי דער שכור'ער אחשורוש וויל, אז זיין ווייב ושתי זאָל ערשיינען פיר איהם און זיינע מיניסטאָרען דוקא אין איהר נאַקעטער שעהנקייט; דיא פיעל און פיעל אזעלכע מעשות און מעשה'לאך, וויא אין חומש, אזוי אין תנ"ך, אזוי אין דער גמרא און אזוי אין אנדערע הייליגע ספרים (*), געשילדערט אין אזא אָפענער

(*) מעהר אזעלכע פאַקטען קענט איהר לעזען אין ב. פייגענבוים'ס לעצטע זעהר אינטערעסאַנטע בראָשורע: „ליעבע און פאַמיליען-לעבען לויט אידעשקייט". — ל. ק.

שפראך, בעוויזען, אז צו שילדערן דיא געשלעכטליכע פערהעלטניסע צווישען מאן און פרוי איז ניט דיא ערפינדונג פון דיא מאָדערנע רעאליסטען. אדרבה, עס זיינען דאָ רעאליסטישע ווערק, וויא איך האָב פריהער אָנגעוויזען, וואָס בעהאנדלען גאָר ניט דיא טהעמא פון געשלעכטליכע פערהעלטניסע.

נור אויב יענע קריטיקער און צייטונגס־ארויסגעבער ווילען דוקא האָבען, אז רעאליזמוס איז נור דיא שילדערונג פון געשלעכטליכען פערקעהר און דערפאר מוז ער בעקעמפפט ווערען אים נאָמען פון „טהרת המשפחה“, דאן על פי שכל האָבען זיי זיך פריהער פון אלץ געדארפט א נעהם טאָן אָפּצוראמען פון דער וועלט דעם אלטען חומש, דיא גמרא און דיא אנדערע הייליגע ספרים...

דער פראנצויזישער שרייבער פּאָל דע־קאָק וואָלט געווען דער גרעסטער רעאליסט, ווען מען וואָלט גערעכענט, אז רעאליזמוס מיינט דיא אָפענע שילדערונג פון געשלעכטליכע פערהעלטניסע, דאָך איז פּאָל דע־קאָק ניט מעהר וויא א פּאָרנאָגראפיסט, א צינישער מעשה־דערצעהלער.

פאר וואָס? ווייל ציניזמוס אָהן **רעאליזמוס איז בלויז ציניזמוס**. ציניזמוס איז נור דאן ניט קיין ציניזמוס, ווען ער איז **רעאליסטיש**, וויא מיר וועלען שפּעטער זעהען. מיט אנדערע ווערטער: ניט יעדער, וואָס שרייבט צינישע בילדער, איז א רעאליסט און ניט יעדער רעאליסט שרייבט צינישע בילדער און פערקעהרט: דיא עקעלהאפטסטע בילדער אין דעם זין פון ציניזמוס אין א רעאליסטישען ווערק זייען ניט ציניש.

וויא אזוי איז דאָס? פון דעם וועלען מיר איצטער ריידען.

## II.

מיט א פּאָר יאָהר צוריק איז אין א דייטשען זשורנאל געווען אָפּגעדרוקט א קאָפּיע פון א בילד, געמאָלען פון א גרויסען מאלער, וואָס כאראקטעריזירט אם בעסטען דעם „רעאליזמוס“. דאָס בילד האָט געהייסען: „אויף'ן וועג צום שלאכטפעלד“.

אויף א פעלד, הינטער א דאָרף, ליגט א יונגע בויערן־מיידעל מיט'ן פּנים ארויף. דיא קליידער זיינען אויף איהר צוריסען און ביי דיא פיס און ביים ברוסט, אויף וועלכע עס ליגען נאָך דיא סמנים פון ברוטאלער, בעסטיאלישער פערגוואלטיגונג, איז זיא אין גאנצען נאקעט. דיא אויגען פערגלאָצט, מיט דעם מויל האלב אָפען, דורך וועלכען עס שלאָגט א בלוטיגע פיענע, ליעגט זיא אזוי אויפ'ן רוקען און אין איהרע צונויפגעדריקטע קאלטע הענד זיינען פערגליווערט הויפענס האָר. און דאָרט, אין פאָראויס, מארשירט אן אבטהיילונג פון סאָלדאטען, און, מארשירענדיג, קוקען זיי זיך אום מיט ווילדע וועלפישע אויגען אהינטער, אין דער ריכטונג, וואו זיא ליגט, קוקען זיך אום, צו זעהען, אויב זיא, זייער אונגליקליכער קרבן, איז שוין געקומען צו זיך...

א שרעקליך־עקעלהאפטעס בילד! דער מענש איז דאָ בעוויזען געוואָרען אין אזא געשטאלט, אז דיא חיות אין וואלד מעגען שטאָלצירען, וואָס זיי זיינען ניט קיין מענשען!....

היפּאָקריטען, אידישע אזוי וויא קריסטליכע צבועקעס, וועלען שרייען, דיא מאָראל איז אין סכנות, אז דאָס בילד ווירקט דעמאָראליזירעד אויף דעם צושויער, קען אין איהם אויפוועקען א מחשבה זרה, רחמנא לצלן. אין דער אמת'ן אָבער קען אזא בילד ווירקען דעמאָראליזירענד סיידען אויף אזא מענשען, וואָס איז אין גאנצען צופוילט גייסטיג און מאָראליש, אויף א'ן אבנאָרמאלען, געשלעכטליך־קראנקען מענשען. אָבער אויף אזא מענשען וועט יעדעס בילד, וואָס שטעלט פאָר א פרוי שלעכט ווירקען, אפילו דיא הייליגע מאדאָנא פון ראפאעל וועט אין איהם אויף ארויסרופען א בעסטיאליש געפיהל!

גאנץ אנדערש אָבער ווירקט אָט דיזעס שרעקליכעס בילד אויף דעם געזונדען מענשען. פאר איהם ליעגט א פערגוואלטיגטע מיידעל, מיט דיא אלע צייכענס פון איהרע ליידען, מיט דיא אלע שפּורען פון איהר פערצווייפעלטען קעמפּפען געגען דיא אונמענשען. אין איהרע הענד זיינען פערגליווערט הויפענס האָר, וואָס זיא האָט ארויסגעריסען ביי איהרע פייניגער, פערטהיידיגענדיג איהר עהרע און איהר „איך“... פון איהר אָפענעם מויל שלאָגט א בלוטיגע פיענע, פון דעם מויל, וואָס וואָלט ארויסגערעדט דיא צערטליכסטע, דיא וואַרימסטע ווערטער פון גליק און ליעבע צו א מאן, וואָס זיא וואָלט געליעבט — אָט פון דעם זעלביגען מויל שלאָגט איצינד ארויס א בלוטיגע פיענע, וויא א שטורמער, בלוטיגער פלוך אויף יענע אונמענשען, וואָס זיינען איהר בעפאלען ערגער וויא ווילדע חיות...

ווער זיינען יענע אונמענשען? סאָלדאַטען! זיינען דיא סאָלדאַטען מענשען? געוויס! צווישען זיי זיינען דאָ זאָגאר זעהר גוטע מענשען, אזעלכע, וואָס ווען מיט זייער אן אייגענער שוועסטער זאָל מען טהאָן דאָס, וואָס זיי האָבען געטהאָן מיט יענער אונגליקליכער, קען זיין, זיי וואָלטען משוגע געוואָרען פון פערצווייפלונג. היינט וויא אזוי האָבען זיי עס געקענט טהאָן? דער תירוץ איז: סאָלדאַטען זיינען זיי. אויף מלחמה געהן זיי הרג'ענען, קוילען, שטעכען מענשען. זיי אליין זיינען שוין יעצט ניט קיין מענשען, נור חיות, וואָס ווערען אָנגערייצט אויף אנדערע. מיט זייער לעבען זיינען זיי ניט זיכער, היינט וואָס זאָלען זיי קוקען אויף'ן צווייטענס לעבען? זיי אליין האָט מען אָפּגעריסען פון זייערע מוטערס, שוועסטערס און כלות — היינט וואָס זאָלען זיי עפּעס שאנעווען דיא מאַמעס, שוועסטערס און כלות פון אנדערע? און ווער איז אין דעם שולדיג? דיא מלחמה — איז דער איינציגער ענטפער!

אָט דאָס אלעס דערצעהלט אונז אָט דיזעס קליינע רעאליסטישעס בילד אונטער דעם נאָמען: „אויף'ן וועג צום שלאַכטפעלד"....

דיא אלע מאָראַלישע דרשות פון טויזענדער און טויזענדער גלחים און רבנים; דיא אלע צייטונגען מיט אלע זייערע זאָגענאַנטע דרשות וועגען „טהרת המשפחה" ענטהאַלטען אין זיך ניט קיין טויזענדען טהייל פון דעם מאָראל, וואָס עס לערנט אונז אָט דיזעס צינישעס בילד!...

פאַרוואָס? ווייל דיזעס בילד רעדט צו אונז ניט מיט א פערקויפטען צונג פון א רעווירענד, פון א צייטונגס־ארויסגעבער, וואָס דיא מייסטע פון זיי גלויבען אליין ניט אין דעם, וואָס זיי ריידען; ווייל דיזעס בילד סטארעט זיך אויך ניט צו ווירקען אויף אונז מיט שעהנע קלינגענדיגע פראזען און ניט מיט דעם שטראָף פון א יענער וועלט, נור עס קאָנסטאַטירט פאַקטען, לעבעדיגע פאַקטען, ארויסגעכאַפּט פון סאַמע הארצען פון לעבען.... דאָס לעבען, דאָס טרויעריג־נאַקעטעס לעבען אליין רעדט דורך דיזען בילד און אין אזא שפּראַכע, וואָס איז פיעל שארפער פון דיא שארפסטע מעסערס!...

III.

אָט האָט איהר א ביישפּיעל, וויא דורך א זאָגענאַנטען צינישען בילד האָט דער רעאליזמוס עררייכט זיין העכסטע שטופע: האָט אָנגעוויזען אויף א שרעקליכע וואונד אין אונזער געזעלשאפטליכען לעבען, אויף דער מלחמה־מכה, וואָס פערוואנדעלט מענשען אין אזעלכע ברואים וועלכע שטעהען ניעדריגער פון חיות!

פאַרקעהרט אָבער, אזעלכע בילדער, וויא פּאול דע־קאָק'ס, צום ביישפּיעל, וואָס ווייזען, וויא פערשיעדענארטיג פּראָסטיטואירטע מענער לעבען מיט פּראָסטיטוטקעס, אָדער נאָך אזעלכע עהנליכע סצענעס, זיינען ניט רעאליסטיש, נור ציניש, עקעלהאַפט־ציניש. פּאַרוואָס? ווייל זיי זיינען בעשאַפען געוואָרען פון דעם שרייבער מיט דעם צוועק נור צו שפּיעלען אויף דיא ניעדריגסטע געפיהלען פון דעם לעזער; ווייל דער שרייבער ווייזט אונז נור דעם קערפּער פון זיינע העלדען און ניט זייער נשמה; ווייל ער ווייזט אונז נור דעם טיעפען שמוטץ און ניט דעם מענשען, וואָס איז פערזונקען אין דעם שמוטץ...

דער רוסישער שרייבער גארשין האָט, צום ביישפּיעל, אויך געמאָלען א פּראָסטיטוטקע, און אז איהר בעקענט זיך מיט איהר, פערגיסט איהר אויף איהר אונגליקליכען לעבען ביטערע טרערען. פּאַרוואָס? ווייל דער שרייבער ווייזט אונז אין איהר דעם מענשען, ווייל ער עפענט אונז איהר נשמה, איהר הארץ, מיט אלע איהרע פערבאָרגענע ליידען, זאָ דאָס זיא ווערט אונז נאָהענט, וויא א'ן אייגענער מענש. אָדער לעזט, וויא אזוי גאָרקי מאָלט א פּראָסטיטוטקע. דאָס זעלבע איז, ווען איהר לעזט דאָדע'ס „סאפהאָ."

פערשיעדענע פּראָמינענטע מענער ווערען געשילדערט אין „סאפהאָ", דיא סאמע אויבערשטע סמעטענע פון דער געזעלשאפט: ליטעראַטען, קינסטלער, געלד־טוזען און נאָך אזעלכע גרויסע מיוחסים, און אין פערגלייך מיט דער פּראָסטיטוטקע סאפהאָ, וועמעס נשמה דאָדע עפענט פאַר אונז אויף, וויא קליינליך און עקעלהאפט זיי קומען אונז פאָר, יענע מיוחסים פון אונזער געזעלשאפט!... מיר זעהען דיא אמת'ע פּראָסטיטוציע, אָבער ניט אין סאפהאָ, נור אין אונזער שעהנער געזעלשאפט.

מיט איין וואָרט, וויא מיר האָבען פריהער געזאָגט, ניט אלעס, וואָס איז ציניש, איז רעאליסטיש און, פערקעהרט, דאָס עקעלהאַפטעסטע אין דעם זינען פון ציניזמוס אין א'ן אמת'ן רעאליסטישען ווערק איז ניט ציניש.

(שלום פאָלגט.) לעאָן קאָברין.




# דיא גייסטיגע וועלט

## דער בוימוואָל פּאַראַזיט און דער קאַמפּף מיט אינזעקטען.

זייט יאָהרען קעמפּפט מען אין אמעריקא מיט א מין פליגעלע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „קאטטן־באָלל וויוויל“ און וואָס מאכט אָן דעם גרעסטען שאָדען אויף דיא פעלדער, וואו עס וואקסט בוימוואָל. וויא וייט מען איז דערגאנגען, איז דיזער העכסט־שעדליכער פּאראזיט א'ן אויסלענדער אין דיא פעראייניגטע שטאאטען. ער האָט אונגעבעטענערהייט אריינגעוואנדערט פון מעקסיקאָ, נאָר האָט זיך זעהר שנעל נאטוראליזירט, אָבוואָהל מען האָט אָנגעווענדעט זעהר ענערגישע מיטעל איהם גלייך צו פעריאָגען און אויסצוראָטען. יעצט איז ער, קען מען זאָגען, דער בעל הבית, דער אונבעשרענקטער הערשער איבער דיא בוימוואָל־פּלאנטאציעס אין דיא זיעדליכע שטאאטען און בעזאָנדערס אין טעקסעס. ער אטאקירט ספּעציעל דעם נויטיגסטען טהייל פון דער בוימוואָל־פּלאנצע, נעמליך: דיא קייקעלעך מיט דיא קערענדלעך, פון וועלכע מען קוועטשט אויס אויל, און מיט דעם ווייסען ווייכען שטאָף, פון וועלכע מען קריעגט וואטע. ער האָט שוין דערמיט געבראכט שאָדען אויף צעהנדליגע מיליאָנען דאָלאר, און אויב מען זאָל ניט געפינען א ריכטיגען מיטעל איהם צו פערניכטען, וועט ער אָנמאכען אזא חורבן אין דער בוימוואָל־אינדוסטריע, וויא דער פּאראזיט „פילאָקסערא“ האָט מיט א יאָהר 20 צוריק אָנגעמאכט אין דער וויין־אינדוסטריע פון פראנקרייך.

אין דעם אונאויפהערליכען קאמפּף פון מענשען מיט דער נאטור, אום צו פערזיכערען און צו פערבעסערען זייער לעבען, האָבען זיי בעזיעגט אלע גרויסע חיות און אפילו איינגעשפּאנט דיא צושטערענדע נאטור־קרעפטע פאר זייער נוצען. דער מענש איז געוואָרען דער קעניג פון דער טהיער־וועלט. דיא רויבטהיערען האָט ער אויסגעראָטעט און פעריאָגט אין דיא ווילדערניסען און בערג; דיא ניצליכע פאר איהם חיות האָט ער געצוימט און פערמעהרט דורך זיין אויפפּאסונג; אבער ער איז געבליעבען הילפלאָז גענען דיא קליינינקע בעשעפעניסען: דיא וועלט פון אינזעקטען און מיקראָבען. וואָס קלענער דיא בעשעפעניס, אלץ שווערער איז דעם מענשען איהר בייצוקומען און צו פערניכטען, דען זיא פערמעהרט זיך אלץ שנעלער.

דיא וועלט פון אינזעקטען איז אונגעהויער פערשיעדען און צאהלרייך. אויף אלע שטופען פון זיין קולטור האָט דער מענש אימער זעהר פיעל געליטען פון זיי, ניט וויסענדיג איינפאך וויא פטור צו ווערען פון זיי. מיר רעדען שוין ניט פון דיא מיקראָבען־וועלט — פון דיזע אונזעהבארע משחיתים האָבען דיא מענשען קיין אהנונג ניט געהאט ביז אונזער צייט. ערשט יעצט, א דאנק דער גרויסער ענטוויקלונג און פערשפּרייטונג פון וויסענשאפטען, איז מען אויף דעם וועג צו בעקעמפּפען און צו בעהערשען דיא וועלט פון אלע קליינע בעשעפעניסען און דאדורך

צו פערניכטען דיא אלע פלאגען, אויף וועלכע די
מענשען האבען אין אלע צייטען געקוקט וויא
אויף א גאט'ס אנשיקענעס, א גאט'ס שטראף.

דיא ענטאמאלאגיע, דיא וויסענשאפט אי־
בער אינזעקטען, האט געמאכט אזעלכע ריעזיגע
פארטשריטע אין פאריגען יאהרהונדערט, וויא
אלע אנדערע נאטורוויסענשאפטען. מען האט
גרינדליך נאכגעפארשט דיא נאטור און דיא ארט
און וויזע וויא יעדער אינזעקט לעבט און פער־
מעהרט זיך, וויא ער קעמפפט פאר זיין עקזיס־
טענץ, וויא ער וועהרט זיך געגען זיינע שונאים.
דען וויא קליין א בעשעפעניס זאל ניט זיין, האט
זיא אלץ טויט־פיינדע. אין דער מיקראבען־
וועלט ווערט אנגעפיהרט נאך א פירכטערליכער
קאמפף אום דאזיין, וויא צווישען דיא גרעסטע
בעשעפעניכען אויף דער יבשה, אין ים און אין
לופטען. איינע פון דיא גרויסע אויפגאבען פון
דער ענטאמאלאגיע איז דארום אויסצוגעפינען,
וויא מען קען פערניכטען דיא שעדליכע אינזעק־
טען דורך דיא פערמעהרונג פון זייערע שונאים,
וועלכע זיינען אונשעדליך אדער וועניגער שעד־
ליך. אויף דיזען וועג ארבייטען יעצט פיעלע
געלעהרטע און זיי האבען שוין ענטדעקט אין
איינינע פעלע גאנץ זיכערע מיטעל געגען געווי־
סע פאראזיטען, אבער דאס איז וויא א טראפפען
אין ים אין פערגלייך מיט דעם, וואס עס בלייבט
נאך צו טהאן אין, קען מען זאגען, דעם לעצטען
קאמפף פון מענשען צו בעהערשען דיא טהיערען־
וועלט.

מען געברויכט יעצט פערשיעדענע מיטעל
צו בעשיצען פלאנצען פון אינזעקטען, ספעציעל
געוויסע שטאפען, וועלכע טויטען דיא אייעלעך
אדער דיא יונגע אינזעקטען, אבער דאס קאסט
צו פיעל מיה און ארבייט, וועהרענד אבער אז
מען געפינט אויס איין אינזעקט, וואס זאל פער־
ניכטען א'ן אנדערען, און מען פערמעהרט איהם
קינסטליך, דאן טהוט ער אויף זיין פערניכטענדע
ארבייט פיעל שנעלער, בעסער און עקאנאמישער,
וויא מענשען קענען עס טהאן מיט דיא בעסטע
כעמישע מיטלען און מיט דיא זארגפעלטיגסטע
אויפפאסונג.

וואס אנבעלאנגט צום קאטטאן־באלל ווייוויל,
וועלכער כטראשעט צו פערניכטען דיא בוימוואל־
פלאנטאציעס אין דיא פעראייניגטע שטאאטען,
דאס הייסט איינפאך צו רואינירען דיא זידליכע
שטאאטען, האט מען שוין פארלויפיג אויס־
געפונען, אז אין דער צענטראל־אמעריקאנער רע־
פובליק גוואטעמאלא געפינט זיך אזא פליגעלע,
וואס מאכט א לעבען פון דיזען העכסט שעדליכען
בוימוואל־פאראזיט. דארטען איז דער קאטטאן־
באלל ווייוויל אויך דא, אבער ער ברענגט וועניג
שאדען, ווייל זיין שונא מאכט פון איהם א
קורצען סוף. מען וועט דארום אימפארטירען
דיזען אינזעקט און איהם שטעלען אויף פראבע
ערגעץ אין טעקסעס, וואו דער קאטטאן־באלל
ווייוויל מאכט יעצט אן דיא גרעסטע צרות. אויב
עס וועט זיך ארויסווייזען, אז דער „עמיגראנט"
וועט אזוי גוט ארבייטען אין זיין נייעם פאטער־
לאנד וויא אין זיין געבורטס־לאנד, וועט מען
איהם נאטירליך אויפנעהמען וויא א טהייערען
גאסט.

אין אזעלכע פעללע מוז מען אבער זעהר פאר־
זיכטיג זיין, דען עס האט שוין געטראפען, דאס
אינזעקטען, וואס מען האט אימפארטירט און
פערשפרייטעט, אום צו פערניכטען א געוויסען
פאראזיט, זיינען נאכהער געווארן נאך א ערגערע
פעסט וויא דער פאראזיט זעלבסט. עס קען דא־
רום טרעפען, אז דער גאסט פון גוואטעמאלא,
וואס וועט פערניכטען דעם קאטטאן־באלל ווייוויל,
וועט ערגעץ אנדערסוואו אנמאכען אזעלכע צרות,
דאס מען וועט מוזען זוכען מיטעל, ווי פון איהם
פטור צו ווערען.

דער אגריקולטשוראל דעפארטמענט (מיני־
סטעריום פון אקערבוי) האט זיך יעדענפאלס
זעהר ענערגיש א נעהם געטהאן צו רעטען דיא
בוימוואל־פלאנטאציעס פון דער גרויסער גע־
פאהר. מען האט ארויסגעשיקט ספעציאליסטען
וועלכע פארשען נאך פערשידענע מיטעל און
מאכען וויסענשאפטליכע אונטערזוכונגען און
פראבעס, און מען מעג האפען, אז זייער ארבייט
וועט ניט זיין אומזיסט.

---

## מאגנעטישע הויב־מאשינען.

מיט מאגנעטיזמוס אלס א קראפט, וואס קען
אויפטאן מעכאנישע ארבייט, האט מען זיך ביז
דיא לעצטע צייט זעהר וועניג בענוצט. נאר עס
איז זיכער, אז אין דער נאהענטער צוקונפט וועט
דיא מאגנעטישע קראפט זעהר פיעל געברויכט
ווערען צו הויבען שווערע שטיקער אייזען און
שטאל. אין לויטיך (בעלגיען) און אין קליוו־
לאנד (פעראייניגטע שטאאטען) ארבייטען שוין
מיט גרויס נוצען מאגנעטען צו הייבען שווערע
אייזערנע זאכען. מיט דער הילפע פון עלעקטרי־

ציטעט דיענען גרויסע מאגנעטען צו הייבען
אויף הייסע שטיקער אייזען.

אויף דער בייליעגענדער צייכנונג איז פאר־
געשטעלט וויא מען הייבט אויף מיט צוויי עלעק־
טראָ־מאגנעטען צוויי אייזערנע באלקענס, וועלכע
זיינען נאָך גאנץ הייס. דיא מאגנעטען הענגען
אויף קרוקעס און האלטען מיט זייער קראפט
דיא אייזערנע באלקענס. אלעס צוזאמען ווערט



געהויבען אזוי וויא אין א געוועהנליכע מאשינע,
וועלכע הייבט שווערע זאכען. דער אונטערשיעד
איז נאָר, וואָס מען פערשפּאָרט צוצובינדען דיא
שטיקער אייזען, וועלכע מען דארף שלעפּען אין
דער הויף. עס איז גענוג ארונטערצולאָזען דיא
מאגנעטען צו א שטיק אייזען, אום זיא זאָל
צוגעצויגען ווערען און געבראכט ווערען אויף
דעם געוויינשטען אָרט. דיא גאנצע ארבייט פון
ארומבינדען און אָפּבינדען ווערט אזוי איבריג.
אויבערדעם קען מען נאָך אויך מיט אזעלכע
מאגנעטען אריבערשלעפּען פון איין אָרט אויף
א'ן אנדערן אפילו גליהענדע שטיקער
אייזען און שטאָל, וואָס עס איז נאטירליך פון
גרעסטען נוצען אין גיסערייען.

עס וועט געוויס ניט לאנג נעהמען, אז אין
יעדער אייזען־פאבריק, וואו מען געברויכט עלעק־
טריציטעט, וועלען זיין עלעקטראָ־מאגנעטען צו
הייבען און שלעפּען אייזערנע זאכען. דאָס וועט
פערשפּאָרען א סך ארבייט, דאָס הייסט מיט
אנדערע ווערטער: א געוויסע צאָהל ארבייטער
וועלען ווייטער בלייבען אָהן בעשעפטיגונג.
נאָר דאָס איז דער רעזולטאט פון אלע ארבייט־
ערשפּארענדע ערפינדונגען אין מאשינען. ניט
דיא וויסענשאפט און דיא טעכניק זיינען אָבער
שולדיג אין דעם, וואָס ארבייטער ליידען דורך
אזעלכע ערפינדונגען און מאשינען, זאָנדערן דיא
קאפּיטאליסטישע אָרדנונג.

---

## דער געברויך פון קאַלסיום.

קאלסיום איז איינער פון דיא מעטאלען,
וועלכע זיינען ווייט פערשפּרייטעט אויף דער
ערד, נאָר וועלכע מען האָט ערשט ניט לאנג
צוריק ארויסגעקראָגען דורך כעמישע מיטעל אין
א ריינעם צושטאנד. מען האָט איהם איבעראל
געהאט אין מאסען אונטער דער האנד אין קאלך
(דערפון קומט זיין נאָמען קאלסיום) און אין
אלע סאָרטען שטיינער און ערד אין פערבינדונ־
גען מיט אנדערע עלעמענטען; אָבער איהם אליין
איז אזוי שווער געווען ארויסצוקריגען וויא, צום
ביישפּיעל, אלומיניום, וועלכער איז א טהייל פון
געוועהנליכע ליים. זייט מען האָט אָבער אויס־
געפונען, וויא צו בעקומען איהם איז ריינעם
צושטאנד, קריעגט ער אלץ מעהר אָנווענדונגען.
מען קען איהם ניט געברויכען דירעקט אלס א
מעטאל פיר פערשידענע זאכען אזוי וויא אלומי־
ניום, ווייל ער ווערט זעהר שנעל פערזויערט און
פערראָסטעט; אבער דערפאר דיענט ער אין פער־
שידענע נייע אינדוסטריען, בעזאָנדערס אין דער
פּראָדוקציאָן פון דעם לייכט־גאז אסיטעלען.

פּראָפעסאָר באָרכערס פון אאכען האָט
ערשט מיט א מאָנאט צוריק אויסגעפונען א
נייעם מיטעל צו בעקומען קאלסיום גאנץ ביליג.
דאָס וועט געבען די מעגליכקייט מעהר צו גע־
ברויכען דיזען מעטאל אין אייזען־גוס פאבריקען,
ווייל ער בעפרייט געשמאָלצענע אייזען פון דיא
שעדליכע מיישונגען אין די ערצען, ספּעציעל פון
פאָספאָר און סולפור (סערקע). מען האָט אויס־
געפונען, אז ביי דער צוזאמענשמעלצונג פון אבי־
סעלע קאלסיום מיט אייזען קריעגט מען דעם
אייזען כמעט אין א כעמיש ריינעם צושטאנד,
וואָס עס איז פון גרויס וויכטיגקייט אין דער אינ־
דוסטריע. וויא בעוואוסט, ווערט אייזען ברע־
כעדיג וויא טשיגון דורך דיא פערבינדונג מיט
פאָספאָר און סולפור, אבער עס איז כמעט ניטאָ
אזא אייזען־ערץ, וואָס זאָל אין גאנצען פריי זיין
פון דיזע עלעמענטען.

נאָר אם מייסטען ווערט יעצט קאלסיום גע־
ברויכט פיר בעלייכטונג. ווען מען פערבינדעט
איהם דורך עלעקטריציטעט מיט קוילענשטאָף
בעקומט מען א זעהר מערקווירדיגען און וויכ־
טיגען פּראָדוקט, וואָס מען רופט „קאלסיום־

קארביד" און וואָס ווערט אַלץ מעהר געברויכט אין דער אַסיטעלען אינדוסטריע. דער קאלסיום־קארביד האָט דיא מעלה, דאָס וויא נאָר ער קומט אין בעריהרונג מיט וואסער, ווערט ער צושפּאָלטען אָדער צוטהיילט, און זיין קוילענ־שטאָף פערבינדעט זיך מיט דעם וואסערשטאָף פון וואסער אזוי, אז מען בעקומט דעם שווערען ברענענדען גאז אַסיטעלען. אין געוועהנליכען בעלייכטונגס־גאז געפינט זיך אויך אסיטעלען (דערפון קומט אם מייסטען דער שלעכטער גע־רוך פון בעלייכטונגס־גאז). וואָס מעהר עס געפינט זיך אסיטעלען אין דעם געוועהנליכען בעלייכטונגס־גאז, אַלץ העלער ברענט ער. אסיטעלען זעלבסט ברענט זעהר העל און לאָזט דערביי ארויס א שטארקע היץ. מען פיהרט איהם דארום איין אלץ מעהר פיר בעלייכ־טונג. אויך געברויכט מען איהם שוין אין גאז־מאשינען. אום צו קריגען איין פערד־קראפט, איז גענוג קנאַפּע 6 קוביק פוס אסיטעלען, ווע־רענד פיר דיא זעלבע קראפט דארף מען געברוי־כען איבער 21 פוס געוועהנליכען גאז פון שטיינ־קוילען.

דיא אסיטעלען־אינדוסטריא ענטוויקעלט זיך זעהר שנעל בעזאָנדערס אין דייטשלאנד און פראנקרייך. אין דייטשלאנד זיינען יעצט דאָ אכט טויזענד איינריכטונגען פיר דיא פּראָדוק־ציאָן פון אסיטעלען.

דער בעריהמטער פראנצויזישער כעמיקער מואסאן, וועלכער האָט זעהר פיעל אויפגעטהאָן אין דער צופערטיגונג פון קאלסיום־קארביד, האָט זיך אויך בענוצט מיט קאלסיום צו בעקומען אין א ריינעם צושטאנד דעם גאז ארגאָן, וואָס געפינט זיך אין דער לופט אין א זעהר קליינער מאָס און וואָס איז ענטדעקט געוואָרען פון דעם גרויסען ענגלישען געלעהרטען סער וויליאם ראמסעי. אין זיינע נאכפאָרשונגען מיט קאלסיום האָט מואסאן ענטדעקט, אז דיזער מע־טאל פערבינדעט זיך, ווען ער ווערט דערהיצט ביז א געוויסע טעמפּעראטור, מיט ניטראָגען (שטיקשטאָף) און וואסערשטאָף. מיט דיזער מעלה פון קאלסיום האָט ער זיך נאכהער בענוצט, אום ארויסצוקריגען ארגאָן פון דער לופט. דער פּראָצעס איז זעהר א לאנגער, און עס וואָלט גענומען צו פיעל פּלאַץ איהם צו בעשרייבען; נאָר דער רעזולטאט איז יעדענפאלס, אז מען קען שוין יעצט ארויסקריגען פון דער לופט אזוי פיעל ארגאָן, דאָס מען זאָל קענען מאכען וויי־טערע אונטערזוכונגען וועגען זיינע מעלות און וועגען זיין ראָלע אין דער וועלט, בעזאָנדערס אין דעם לעבען פון חיות און פלאנצען.

---

## דיא ווירקונג פון ליכט און פינסטערניס אויף חיות

זעהר אינטערעסאנטע פּראָבעס האָט מען געמאכט אין דער לאבאָראטאָריע, וואָס מען האָט אין 1896 געגרינדעט אין דיא קאטאקאָמבען אונ־טער פּאריז מיט דעם צוועק צו אונטערזוכען דיא ווירקונג פון ליכט און פינסטערניס אויף פער־שיעדענע חיות. אין איין אָרט האלט מען חיות שטענדיג אין דער פינסטער; אין א׳ן אנדער אָרט האלט מען אין זונען־שיין חיות, וואָס לעבען געוועהנליך אונטער דער ערד. דיא מייסטע פּראָבעס האָט מען ביז יעצט געמאכט אויף אייניגע סאָרטען פיש און ראקעס. נאָך א געוויי־סער צייט קומען פאָר זעהר אינטערעסאנטע ענדערונגען אין זייערע אָרגאניזמען.

בעזאָנדערס ענדערן זיך נאטירליך דיא אויי־גען, וועלכע ווערען נוצלאָז אין דער פינסטער. דיא קאָלירען בייטען זיך אויך. ביי ראקעס, וואָס ווערען געהאלטען איבער א יאָהר אין דער פינסטער, ווערען דיא אויגען אָבגעשוואכט. דער פאר ווערען פערגרעסערט דיא אָרגאנען, וואָס דיענען זיי צום טאפּען, שמעקען און הערען. דאָס איז פערשטענדליך, וויל דיא אָרגאנען, וואָס ווערען מעהר געברויכט, ענטוויקלען זיך אויף דער רעכנונג פון דיא אָרגאנען, וואָס ווערען ווייניגער געברויכט און וואָס ווערען שליסליך אטראָפּירט (אָבגעשטאָרבען).

נאָר דיא ווירקונג פון פינסטערניס אויף אייניגע סאָרטען פיש איז זעהר זאָנדערבאר. ווען זיי שווימען ארום פינף יאָהר אין דער פינ־סטער, ווערען זייערע אויגען גאָר צוויי מאָל גרעסער. דאָס קומט הפנים פון אנשטרענגונג, אָבער דער אָפּטישער נערוו איז דאָך אָב־געשוואכט, וואָס עס צייגט, אז ער וועט דאָך אטראָפּירט ווערען. אויף אנדערע פישען ווירקט נאָך די פינסטערניס אזוי, אז זיי ווערען קירצער. מען האָט גענומען 12 פישען פון דעם סאָרט וואָס הייסט אויף לאטייניש Carassius Auratus און 6 פון זיי געהאלטען אין דער פינסטער און 6 אין ליכט. שפּייז האָט מען זיי אלעמען גע־געבען דיא זעלבע. צוויי יאָהר שפּעטער האָט מען אויסגעפונען, אז דיא פישען אין דער פינ־

כטערניכ האָבען געקראָגען א וויכליכע פארב און זיינען געוואָרען א העלפט קירצער, וויא דיא פישען אין ליכט, וועלכע האָבען אויף אָנגעהאַל־טען זייער רויטען קאָליר.

פערקעהרט דיא ראקעס, וואָס לעבען אין פינסטערע הייהלען און וואָס האָבען קיינע אָפּ־טישע נערווען, ווערען זעהר אונרוהיג איבער דעם זונען־שיין. מען זעהט, אז דער שיין איז גאָר ניט אנגענעהם פאר זיי. נאטירליך, זיי קענען גאָר ניט זעהען, אָבער דער שיין האָט אויף זיי א געוויסע כעמישע ווירקונג, וואָס עס צייגט זיך ארויס דורך ענדערונגען פון דיא קאָ־לירען אויף זייער הויט.

מען וועט ווייטער מאכען אזעלכע פּראָבעס מיט מילך־זויגענדע חיות. יעדענפאלס בעוויי־זען דיזע פּראָבעס דיא ריכטיגקייט פון דארווין'ס לעהרע.

---

## פּראָפעסאָר קאָך און שווינדזיכטיגע קיה.

יעדער האָט וואהרשיינליך געהערט פון דער מחלוקה, וואָס האָט אויסגעבראָכען אין דער מעדיצינישער וועלט נאכדעם, וויא דער בעריהמ־טער פּראָפעסאָר קאָך האָט ערקלערט, אז דיא באציללען וואָס רופען ארויס שווינדזוכט ביי קיה, האָבען קיין ווירקונג ניט אויף מענשען. ווען דאָס וואָלט געווען ריכטיג, וואָלט מען אויפ־געהערט צו זאָרגען וועגען דעם, אויב פלייש און מילך פון בהמות איז אנגעשטעקט מיט שווינד־זוכט אָדער ניט. דיא ענגלישע רעגיערונג האָט אין 1901 בעשטימט א ספּעציעלע קאָמיסיאָן צו אונטערזוכען גרינדליך דיזע וויכטיגע פראגע. דער רעזולטאט פון דיא נאכפאָרשונגען און פּראָ־בעס פון דיא געלעהרטע איז, אז דיא טובערקו־לאָזיס־באצילען ביי מענשען און בהמות זיינען פּראקטיש דיא זעלבע. דיא קאָמיסיאָן האָט געמאכט פּראָבעס אויף 200 קיה און האָט ערקלערט, אז מען דארף אויף קיין פאל ניט אבשוואכען דיא רעגעלען וועגען בעשיצען מענשען געגען מילך פון שווינדזיכטיגע קיה. מען רעכענט דארום, אז מען וועט יעצט נאָך שטרענגער אויפפּאסען אויף דעם פערקויף פון פלייש און מילך.

---

## אַ מאַשינקע צו בעטויבען איינברעכערס.

א'ן אמעריקאנער ערפינדער האָט ארויס־גענומען א פּאטענט אויף א מאשינקע, וועלכע וועט ניט נאָר געבען צו וויסען וועגען א וויזיט פון גנבים און רויבער, זאָנדערן וועט זיי איינ־פאך פערטויבען אין לאָזען בעוואוסטלאָז אויף'ן אָרט. דיזע מאשינקע זעהט אויס וויא אויף דער ביילעגענדער צייכנונג. דאָס איז אייגענטליך א



„בורגלאר־אלארם" (א וואָרנונגס־גלאָק געגען גנבים), נאָר אויף דעם אָרט פון דעם קלינגענדען אפּאראט שטעהט א פלעשעלע מיט א געוויסען גיפטיגען כעמישען שטאָף וואָס הייסט „פּאָר־מאלדעהיד". דיזער אפּאראט איז פערבונדען מיט א'ן עלעקטרישע באטעריע. אלעס איז אזוי אראנזשירט, אז וויא נאָר א גנב וועט אריינ־קומען, וועט דיא עלעקטרישע באטעריע ווירקען אויף דעם אפּאראט אזוי דאָס דיא פלעשעל מיט דעם פּאָרמאלדעהיד זאָל זיך עפענען און דער אָרט זאָל שנעל אנגעפילט ווערען מיט א גיפטי־גען גאז. דיא געפלאָכטענע גראטקע וואָס שטעהט נעבען אפּאראט לינקס דיענט דערצו, אז דער פּאָרמאלדעהיד זאָל זיך א גאָס טאָן דארויף און דורך דעם זאָל ער שנעלער אומגעוואנדעלט ווערען אין א גאז, זאָ דאָס דער גנב זאָל גאָר קיין צייט ניט האָבען כאפּען עפּעס און מאכען פליטה.

דיזער אפּאראט קען נאטירליך בענוצט ווערען נאָר אין מאגאזינען און געביידעס, וועלכע זיינען ניט בעוואָהנט.

פ. קראַניץ.

# אידען אין רוסלאנד

## זייער געשיכטע פון דיא עלטעסטע צייטען ביז היינטיגען טאָג

פון אלכסנדר הארקאווי.

### פינפטעס קאפיטעל.

### דיא לאַגע פון דיא אידען אין פוילען אונטער דיא מאַגעללאָנער.*)

גרויזאַמע פערפאָלגונגען אונטער קעניג לודוויג. — אסתר'קע אַ'ן אָפּפער פון אַ פּאָגראָם. — דיא גזרות פון וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ. — קאַזימיר יאַגעללאָ'ס בעשטעטיגונג פון דיא אידישע פּריווילעגיעס. — יאָהאַן קאַפּיסטראַנאָ'ס אַגיטאַציאָן. — ענדערונג צום גוטען אין 1467. — יאָהאַן אַלבערט. — אַלעקסאַנדער דער יאַגעללאָנער. — סיגיזמונד דער ערסטער. — בעשולדיגונגען געגען אידען און זייער פערטהיידיגונג. — סיגיזמונד אַגוסט. — דיא יעזואיטען.

מיט דעם טוידט פון קאזימיר דעם גרויסען, וועלכער האָט דיא אידען פון זיין לאנד געשעצט און געשיצט, איז געקומען א'ן ענדע צו די אידישע רעכטע און פרייהייטען אין פוילען. נאָך איהם איז ארויף אויף'ן פוילישען טהראָן לודוויג ד'אנזשי, דער זוהן פון דעם אונגארישען קעניג ראָבערט, וועלכער איז געוועזען פערהייראטהעט מיט עליזאבעטא, דיא טאָכטער פון וולאדיסלאוו לאָקיעטעק. אין דער צייט פון דיעזען קעניג האָבען אידען אָנגעפאנגען אויסצושטעהן גרויסע פערפאָלגונגען; מען האָט זיי אָנגעהויבען צו נויטהען איבערצוגעהן צום קריסטענטהום, און דיא קריסטליכע גייסטליכע האָבען זיך שטארק גענומען אויפצוהעצען דאָס אונוויסענדע פאָלק געגען זיי. דיא פיינדליכע האנדלונגען פון דיא קריסטליכע גייסטליכע האָבען ארויסגערופען גרויזאמע אויפשטענדע געגען דיא אידען. אין פאָזען האָט דער פוילישער המון אויף דיא העצעריי'ען פון דיא קאטהוילישע גייסטליכע אין 1399 צערשטערט דיא סינאגאָגען און אויסגע'הרג'עט פיעלע אידישע נפשות. אין איינעם פון דיזע ווילדע פּאָגראָמען אויף אידען איז אויך אומגעקומען דיא בעריהמטע אסתר'קע, קאזימיר דעם גרויסען'ס אידישע געליעבטע.

אין יאָהר 1382, נאָך א 12-יעהריגע הערשאפט, איז לודוויג געשטאָרבען, און זיין טאָכטער איז געוואָרען דיא פרוי פון וולאדיסלאוו יאגעללאָ, דעם פירסט פון ליטאָ, וועלכער איז דורך דיעזע הייראטה געוואָרען דער קעניג פון פוילען. מיט דיעזען הערשער הייבט זיך אָן דיא פוילישע קעניגליכע דינאסטיע, וועלכע איז בעקאנט מיט דעם נאָמען „יאגעללאָנער“. אונטער זיין רעגיערונג זיינען דיא אידען אין פוילען אזוי בארבאריש בעהאנדעלט געוואָרען, וויא זייערע ברידער אין אלע אנדערע קריסטליכע לענדער אין יענער צייט. וולאדיסלאוו יאגעללאָ האָט דער ערשטער דיא אידען אָבגעזונדערט פון זיינע אלע אנדערע אונטערטהאנען; ער האָט געגען זיי געמאכט אויסנאהמסגעזעצע און האָט בעפאָהלען זיי זאָלען טראָגען רויטהע לאטעס אויף זייערע קליידער אלס צייכען פון שאנדע.

דיעזע טרויעריגע לאגען פון דיא אידען אין פוילען האָט גענומען א װענדונג צום בעסערן אונטער וולאדיסלאוו דעם דריטען (דעם זוהן פון וולאדיסלאוו יאגעללאָ), וועלכער איז ארויף אויף'ן טהראָן אין 1434, און אין דער רעגירונגס-צייט פון קאזימיר'ן, זיין אינגערען ברודער. וולאדיסלאוו דער דריטער האָט זיי אָנגעפאנגען

---

*) צוזאמענגעשטעלט נאָך דיא זעלביגע קוועללען וויא דאָס פאָריגע קאַפּיטעל אין נומ. 5 „צוקונפט“.

צו בעהאנדלען מענשליכער און קאזימיר האט אבגעפרישט דיא אלטע אידישע פריווילעגיעס פון באלעסלאוו דעם הערצאג פון קאליש.

דיא בענייאונג פון דיא אידישע פריווילעגיעס דורך קאזימיר יאגעללא איז ניט געוועזען דווקא אויס א געפיהל פון מענשליכקייט; זיא האט גיכער געשטאמט פון אייגעננוטץ אלס פון מענשענליעבע. דיעזער קאזימיר, וועלכער איז געוואָרען הערשער פון פוילען אין 1444, איז געוועזען א ליכטזיניגער און כאראקטערלאזער מענש. ער איז געווען אריינגעטהאן אין תאוה און האט זיך וועניג געקימערט וועגען דיא אינטערעסען פון זיין לאנד. ער האט פערשווענדעט זעהר פיעל געלד און האט פערנאכלעסיגט זיינע פליכטען צום לאנד. דיא אדעללייט האט זעהר געקרענקט זיין פערנאכלעסיגונג פון פוילען און זיי האבען אויס פערדרוס זיך ענטזאגט איהם צו בעוויליגען דיא געלדער, וועלכע זיי פלעגען איהם צאהלען פון דיא איינקינפטע פון זייערע זאלץ־מינען. אהן דיעזען „מעשר פון זאלץ" איז קאזימיר געוואָרען אזוי אויף צרות, דאס ער האט ניט געהאט גענוג אויף זיינע געוועהנליכע הוצאות, און ער איז אפט געווען געצוואונגען צו פערזעצען זיינע ווערטהפאלע הויז־זאכען. מיט דיעזער געדריקטער לאגע פון קאזימיר'ן האבען זיך דיא אידען בענוצט. זיי האבען איהם אונטערשטיצט מיט געלד און האבען ביי איהם געבעטען, ער זאל זיי געבען שוטץ און רעכטע. קאזימיר האט זייער ביטע ערפילט, און אין דעם יאהר 1447 האט ער בעשטעטיגט באלעסלאוו'ס פריווילעגיעס.

ניט לאנג אבער האבען דיא אידען גענאסען דיזע בענייטע פריווילעגיעס. אין דעם יאהר 1451 האט זיך אין פוילען בעוויזען א דייטשער גייסטליכער מיט'ן נאמען יאהאן קאפיסטראן, א ווילדער פאנאטיקער, וועלכער האט אויפגעבלאזען דעם פערשטיקטען פייער פון האס צו דיא אידען. דורך דיא אגיטאציאן פון דיזען גייסטליכען זיינען אין 1454 צוריקגערופען געוואָרען דיא אידישע פריווילעגיעס, וועלכע קאזימיר האט בעשטעטיגט. צוריקציהענדיג דיזע פריווילעגיעס האבען דיא פוילישע געזעצגעבער זיך ענטשולדיגט מיט דיזע ווערטער: „דיא פריווילעגיעס שטימען ניט איין מיט דיא געזעץ פון גאט און דיא געזעץ פון לאנד". דיא פאלגען פון קאפיסטראן'ס אגיטאציאן זיינען געווען, דאס עס זיינען ווידער פארגעקומען ווילדע פאגראמען אויף אידען אין פוילען.

דיא הערשענדע קלאסע אין פוילען איז ניט געווען בעשטענדיג אין איהר נאטור. איהר שטימונג האט זיך זעהר אפט געביטען; סיי גוטעס כיי שלעכטעס איז ביי איהר ניט געווען דויעהאפט. און גראדע אזוי אונבעשטענדיג איז אויך געווען דיא אידישע לאגע אין פוילען. אין 1467 האט אין פוילען געשוועבט א ליבעראלער גייסט, און דיא הערשענדע קלאסען האבען אבגעשאפט דיא בעשרענקונגען געגען דיא אידען. דיא מחיצה צווישען אידען און קריסטען האט כמעט אין גאנצען אויפגעהערט; עס איז געווען אזא פעראייניגונג צווישען זיי, דאס עס זיינען זאגאר פארגעקומען געמישטע הייראטהען. עס ווערט, צום ביישפיעל, ערצעהלט, דאס א'ן עדעלמאן מיט'ן נאמען מארשיטין האט געהייראטעט א אידיש קינד און האט געלאזען דיא טאכטער ערציהען אין דעם גלויבען פון דער מוטער.

קאזימיר יאגעללא איז געשטארבען אין דעם יאהר 1492 און הערשער פון פוילען איז געוואָרען זיין זוהן יאהאן אלבערט. דיעזער קעניג האט געקראגען זיין ערציהונג פון אזעלכע לעהרער, וועלכע האבען אין איהם איינגעאטהעמט א האס צו אידען. ער האט אין 1496 דיא אידישע פריווילעגיען בעשטעטיגט; אבער ער האט צוגלייך בעפאהלען, דאס דיא אידען, וועלכע זיינען געזעסען אין דיא שטעדט צושפרייט, זאלען זיך אין יעדער שטאדט בעזעצען אין א בעזונדערען טהייל צוזאמען, אום דיא בירגערמייסטערס זאלען אויף זיי קענען בעסער אויפפאסען. דיא אידען, וועלכע זיינען געזעסען אין קראקאוו זיינען איבערגעזעצט געוואָרען אין דער פארשטאדט קאזימיר, וואו דיא קרייצפאהרער זיינען זיי בעפאלען אין דעם יאהר 1500. אין 1496 איז אויך דעם פוילישען רייכסטאג אין פיאטרקאוו דיא אידען פערבאטען געוואָרען צו קויפען גיטער. יאהאן אלבערט איז געשטארבען אין 1501 און זיין נאכפאלגער איז געווען אלעקסאנדער דער יאגעללאנער.

אלעקסאנדער האט איבערטראפען זיינע פארגענגער אין גרויזאמקייט געגען דיא אידען. ער האט זיינע אידישע אונטערטהאנען גאר געוואלט פערטרייבען פון פוילען. מעהרערע געגענדען און שטעדט האבען אויסגעפיהרט זיין וואונש. דער בעצירק גראדנא האט געמאכט דעם אנפאנג. אונטער אלעקסאנדער'ס הערשאפט זיינען צוריקגערופען געוואָרען דיא פרי־

ווילעגיעס, וועלכע קאזימיר יאגעללא האט בע־
שטעטיגט. אידען האבען פון דיזען גרויזאמען
קעניג ניט לאנג געליטען, דען ער איז געשטאר־
בען פינף יאהר נאך דעם, וויא ער האט בעשטיגען
דעם טהראן.

נאך אלעקסאנדער'ס טוידט האט רעגיערט
סיגיזמונד דער ערסטער, דער דריטער זוהן פון
קאזימיר יאגעללא. ער איז בעקאנט אין דער
פוילישער געשיכטע מיט דעם צונאמען „דער
אלטער", וויל ער איז געשטארבען 82 יאהר
אלט. ער איז געווען א ליבעראלער הערשער און
האט דיא אידען בעהאנדעלט מיט גערעכטיג־
קייט. ער האט צוריק געזעצט אין קראפט דיא
פריהערדיגע אידישע פריווילעגיעס און האט
צוריקגערופען דעם בעפעהל פון קעניג אלעקסאנ־
דער, לויט וועלכען דיא אידען זיינען פערטריעבען
געווארען פון גראדנער בעצירק. אין פוילען הא־
בען אין זיין צייט געפונען רוהע ניט נאר דיא
געבירטיגע אידען, נאר אויך פערפאלגטע אידען
פון אנדערע לענדער. ווען עס האבען אויס־
געבראכען רדיפות געגען אידען אין בעהמען,
פיעלע פון זיי זיינען געקומען אין פוילען און
האבען אנטהייל גענומען אין דיא פריווילעגיעס
פון זייערע דארטיגע ברידער.

דיא אידישע שונאים צווישען דיא גייסט־
ליכע זיינען פון דעסטוועגען ניט געבליעבען
שטיל. זיי האבען געזוכט צו בעאיינפלוסען
סיגיזמונד'ן געגען דיא אידען און האבען אויף זיי
געגראבען בלבולים פון אונטער דער ערד. מען
האט דיא אידען בעשולדיגט, צום ביישפיל, דאס
זיי האבען געהאט א'ן אונטערהאנדלונג מיט
טירקיי צו אונטעריאכען פוילען; דאס זיי קויפען
אקסען אין לאנד און פערקויפען אין אויסלאנד
מיט דעם צוועק צו פעראָרימען פוילען א. ז. וו.
דיא קויפמענישע קלאסע איז געגען דיא אידען
אויפגעטרעטען מיט א געשריי, דאס זיי נעהמען
צו ביי דיא קריסטליכע קויפלייט דיא פרנסה.
דיא אידישע שונאים אין סיגיזמונד'ס צייטען
האבען געוואלט מען זאל ביי אידען צונעהמען
אלע זייערע פריווילעגיעס; דאס האבען זיי אין
גאנצען ניט אויסגעפיהרט; אבער זיי איז גע־
לונגען דורכצופיהרען איינינע בעשרענקענדע
געזעצע געגען זיי. אידען איז לויט דיזע
געזעצע פערבאטען געווארען צו האלטען אין
ארענדע דיא צאלל־עמטער (קאסטאם־הייזער)
אדער אלע אנדערע עפענטליכע עמטער, און צו
האנדלען אין דערפער. דיא אידען, וואס האבען
געוואוינט אין שטעדט און דערפער, וועלכע זיי־
נען געווען דעם קעניג'ס פריוואט־אייגענטהום,
האבען ניט געקענט ערווארטען קיין שוץ פון
איהם. זיי האבען געדארפט טראגען געלע מיצען
אום זיי אויסצוצייכנען פון דער קריסטליכער
בעפעלקערונג. ווען א איד האט פערלאנגט א
פריווילעגיע, אדער ווען ער האט גענומען א שיין
(סערטיפיקייט) אדער א'ן אנדער פאפיער פון
דער רעגיערונג, האט ער געמוזט צאהלען יעדען
פרייז, וואס מען האט פון איהם פערלאנגט.
דיא אבגאבען פון דער אידישער געמיינדע זיינען
נאך'ן ערך געווען צוויי מאל אזוי גרויס וויא דיא
קריסטליכע.

געגען דיא אנגריפע פון זייערע שונאים אונ־
טער סיגיזמונד דעם ערסטען האבען דיא אידען
זיך פערטהיידיגט אזוי וויט וויא זיי האבען
געקענט. עס איז אין יענער צייט פון אידען
ערשיענען א'ן אנאנימעס ווערק (א ווערק אהן
דעם נאמען פון פערפאסער), וועלכעס האט מיט
פיעל קראפט צוריקגעוויעזען דיא קריסטליכע
בעשולדיגונגען געגען זיי. אין דיזען ווערק,
וועלכעס איז פערפאסט געווארען אין לאטייניש,
האט דער פערפאסער אנגעוויעזען אויף דעם,
דאס רעליגיאנען בייטען זיך לויט דיא צייט און
ציווילאזיאציאן, געבענדיג אלס בעווייז לוטהער'ס
רעפארם, און דאס עס איז געגען דעם ווילען פון
גאט, אז מענשען פון פערשידענע רעליגיאנען
זאלען איינע דיא אנדערע פערפאלגען; דאס מיט
זייער מסחר פערגרעסערן דיא אידען דעם רייכ־
טהום פון לאנד אנשטאט דאס לאנד צו מאכען
ארים; און דאס עס וואלט זיין פיעל קליגער
זיי צו דולדען מיט זייער עהרליכען גלויבען און
זייער אייגענער רעליגיאן אלס צו פארדערן פון
זיי, זיי זאלען זיך בעקעהרען צום קריסטענ־
טהום און זיין היפאקריטען. „זאלען דיא קא־
טהאלישע סוחרים", זאגט דאס בוך, „זיין איינ־
געהאלטענער און ניט פערשווענדען זייער געלד
אויף טאנצען און אויסגעלאסענהייט א. ז. וו.,
זאלען זיי פערקויפען זייערע וואארע ביליגער
וויא דיא אידען, וועלען אלע ביי זיי קויפען און
זיי וועלען קענען ווערען רייך". „מיר נעהמען
דיא פרייהייט צו ערקלערען", שטעהט דארט,
„דאס מיר וועלען זיך ניט אונטערווארפען אונ־
טער דער אויפזיכט פון דער קירכע; מיר זיינען
נור פערפליכטעט צו זיין געהארכזאם צו אונזער
קעניג, וועלכער האט אונז פערזיכערט צו געבען
שוטץ".

סיגיזמונד דער ערסטער האָט רעגיערט 42 יאָהר און ער איז געשטאָרבען אין 1548. דעם פוילישען טהראָן האָט דאן איבערגענומען זיין זוהן סיגיזמונד אגוסט. דיזער קעניג איז צו דיא אידען געוועזען גוט גענייגט. אויף דער געזעצגעבער־פערזאמלונג אין פּיאָטרקאָוו אין 1548 האָט ער בעשטעטיגט דיא פּריווילעגיעס, וועלכע דיא אידען האָבען געקראָגען פון קאזימיר'ן. אין דעם יאָהר 1551 האָט ער דיא אידען אין ווילנא געגעבען א פּריווילעגיע, לויט וועלכער זיי האָבען געקענט אונגעשטערט בעזוכען יעדע שטאדט, דאָרטען האנדלען און זיך אויפהאלטען. ער האָט אויך מיט צאר איוואן דעם פערטען („איוואן גראָזני") אונטערהאנדעלט, דאָס דיא אידען פון ליטאָ זאָלען מעגען טרייבען געשעפטען אין רוסלאנד, אָבער איוואן איז אויף דעם ניט איינגעגאנגען. דיזער תכשיט פון דער רוסישער געשיכטע האָט סיגיזמונד אגוסט'ן אויף זיין פאָרשלאג וועגען דיא אידען געגעבען פאָלגענדע תשובה: „מיר ווילען ניט האָבען דיזע מענשען וועלכע האָבען צו אונז געבראכט גיפט פאר דעם גוף און פאר דער נשמה; זיי האָבען ביי אונז פערקויפט סם־המות בלעטער (טאבאק) און געלעסטערט אונזער ערלעזער (יעזוס'ן)."

אין סיגיזמונד אגוסט'ס צייטען זיינען דיא יעזואיטען אין פוילען געוואָרען מעכטיג און זיי האָבען זייער מאכט אויך אָנגעווענדעט צו פערפאָלגען דיא אונגליקליכע אידען אויף דעם וואונש פון דיא יעזואיטען זיינען געגען אידען דורכגעפיהרט געוואָרען פערשיעדענע בעשרענקענדע געזעצע. אויף דער געזעצגעבער־פערזאמלונג אין ווארשא אין 1557 איז אידען פערבאָטען געוואָרען דער האנדעל מיט פערד. אויף א שפּעטערע פערזאמלונג אין פּיעטרקאָוו איז אידען פערבאָטען געוואָרען צו האלטען אין ארענדע צאָלל־עמטער און איינפאָהר־הייזער. דאָס געזעץ וועגען דעם פערד־האנדעל איז געוועזען זעהר ווילד: עס האָט געלויטעט אזוי: „דיא אידען זאָלען ניט טרייבען קיין האנדעל מיט פערד. ווען א איד וואגט עס צו טהאָן זאָלען דיא פערד קאָנפיסקירט ווערען און ער אליין זאָל אויפגעהאנגען ווערען".

סיגיזמונד אגוסט איז געשטאָרבען אין 1572. ער איז געוועזען דער לעצטער קעניג פון דער יאגעללאָנער פאמיליע.

# מירקע און איהר טאַטע

(אַ סקיצע.)



ירקע לייבע יאכנע'ס האָט שוין באלד א יאהר געענדיגט דאָס גימנאזיום און תיכף גענומען זיך מיט פייערדיגען חשק און מיט גרויס התמדה לעזען „סעריאָזנע ביכער", כדי צוצוגרייטען זיך טהעאָרעטיש צו דער פּראקטישער ארבייט אין דער בעוועגונג, צו וועלכער זיא האָט זיך שוין א צייט לאנג געריסען מיט איהר גאנצער יוגענדקראפט, נאָך פון פינפטען קלאס אָן.

דיא לעצטע פּאָר יאָהר האָט איהר שוין דערעסען וויא א ביטערע ציבעלע די „קאזארמע" (דאָס גימנאזיום), איהר פאָרמע, איהר „ראניץ" (דאָס בומקעלע מיט איהרע לעהר־ביכער), דיא שווארצע סאמעטענע אָקאָלעסקעס מיט דיא קאָקארדעס פון דיא לעהרער, זאָגאר דער אלטער איוואן, דער גימנאזיום וועכטער מיט זיין הכנעה'דיגען „זדראווסטוואויטע בארישנע" מיט זיינע פערלאָפענע, אָבגעבלאנקטע אויגען, און זיינע בלויע, ניט געגאָלטע באקען.

— גוואלד, רבונו של עולם, ווען וועל איך שוין אויסגעלייזט ווערען פון דער קאזארמע! — פלעגט מירקע כמעט יעדען טאָג אויסרופען אויף'ן קול, צוקלייבענדיג זיך אין גימנאזיום.

און וואָס א טאָג מעהר איז איהר דאָס קאזארמע־לעבען און דיא קאזארמע־דיסציפּלין אלץ מיאוס'ער געוואָרען. איהר פרייער נפש האָט זיך געריסען, וויא מיט צוואנגען צום פרייהייטס־קאמפף אהינצו אין דיא פרייע וועלט הערייז...

און איצט איז איהר אידעאל ערפילט געוואָרען. אָט איז שוין באלד א יאָהר וויא זיא

איז אויסגעלייזט געוואָרען פון דער „פערפלוכ־טער קאזארמע“, וויא זיא האָט אויסגעטהאָן דיא פאָרמע, אראָבגעוואָרפען פון זיך דעם ראַניץ, צושענקט און צוליהען דיא טרוקענע לעהר־ביכלעך, און אנשטאט זיי גענומען זיך פאר אנדערע ביכער, בעקאנט געוואָרען מיט אנדערע מענשען און געלעבט מיט אנדערע געדאנקען.

מירקע, אָדער מאריע לוואָוונע אויף רוסיש, איז נאָך אלס גימנאזיסטקע בעקאנט געוואָרען מיט א פּאָר „אינטעלליגענטען“ אין איהר גע־בורטס־שטאדט.

זיא איז מיט זיי בעקאנט געוואָרען דורך איהרען א קרוב א סטודענט, וואָס איז געווען ביי זיי צו גאסט עטליכע וואָכען; צו דעם סטו־דענט פלעגען זיי אָפט אריינגעהן, סוד'ען זיך מיט איהם, אוועקגעהן מיט איהם צוזאמען אויף גאנצע נעכט, לעזען וואָס צוזאמען, שרייבען, און אלץ פערשפּארטערהייט, בסוד...

זיא האָט גוט פערשטאנען וואָס דאָס זיינען פאר סודות, און איהר האָט געצויגען צו דיא דאָזיגע מעניש[ע]ן און צו זייער געהיימער ארבייט, וויא מיט טויזענדער מאגנעטען. איהר האָט זיך מורא'דיג געוואָלט אריבערטרעטען דעם שוועל פון דער פאר איהר נאָך פארמאכטער טהיר. ניט כבוד, ניט נייגיערדע האָט זיא געצויגען אהין, אריבער'ן שוועל, נור היילּיגער דורשט צו דער הייליגער ארבייט. אָבגעבען איהר יונגעס לעבען פאר דעם אלגעמיינעם גליק — אָט דאָס האָט זיך איהר געוואָלט.

וואָס וואָלט זיא אָבגעגעבען אום אריין אין פערבאנד מיט דיא דאָזיגע מענשען, ארבייטען מיט זיי צוזאמען אלס א גלייכער חבר!

נור וויא שטארק איהר האָט ניט געצויגען צו זייער געהיימער ארבייט, האָט זיא דערפון ניט געלאָזט מערקען, ניט אויף א האָר; איהר פיינֶע דעליקאטע נאטור האָט ניט געקענט גראָב אָנריהרען דעם צווייטענס נפש. זיא האָט זיי דאריבער קיין שום שאלות ניט געפרעגט, קיינע אָנצוהערעניס מיט האלבע ווערטער, מיט וויני־קען ניט געגעבען, פונקט וויא זיא וואָלט פון גאָר ניט געוואוסט, גאָר ניט פערשטאנען.

— מיין צייט וועט נאָך אויך קומען — לאָם איך נור פטור ווערען פון דער פערפלוכטער קאזארמע.

און איהר צייט איז טאקי געקומען.

פאמעלאך, טריט ביי טריט איז זיא ארי־בער דעם פערבאָטענעם שוועל. אין אָנהויב פלעגט מען איהר נאָר אמאָל געבען דורכלעזען א פערבאָטענע בראָשורע, בעטען צונויפקלייבען א ביסעל געלד אויף א סטרייק, פיר ארעסטיר־טע, און ביסלעכווייז האָט זי זיך אריינגעצויגען אין דער עצם ארבייט, און אין עטליכע חדשים ארום האָט זיא שוין געארבייט אין דער בעוועגונג אלס א מיטגליעד פון דער דאָרטיגער אָרגאני־זאציאָן.

איהר צימער, אין א רייכע הויז, מיט א דורכיגען הויף אין איינע פון דיא קאָכיגסטע גאסען פון שטאָדט, איז געוואָרען איינע פון די בעסטע „קווארטירען“. זיין „געאָגראפישע לאגע“ איז געווען אויסגעצייכענט, אום אויסצודרעהען זיך א מאָל פון א שפּיאָן, און מיט איהר צימער פלעגט מען זיך בענוצען דעריבער אין פערשיע־דענע פאללען.

איהר טאטע, לייבע יאכנין, א רייכער איד, א בעל־הבית פון א באנק־געשעפט, א געמיש פון א פשוט'ען יודישען פּראָצענטניק און א מאָדער־נעם באנקיר, א מענש, וואָס האָט זיך אין שול געקאָכט אין שלישי און אין מפטיר, און אין קלוב—אין א גוטער קערטיל; מיט'ן רב פון שטאדט געווען כל וכל און צום פּאָליצמייסטער, צום גאָלאָווא און אנדערע גרויסע לייט אומגעפּאָרען מיט וויזיטען, מיט איין וואָרט: א מין טלית־קטן אויף אן אונטערשלאק פון שעטנז. אזא פייגעל האָט, פערשטעהט זיך, בעלד בעמערקט, אז זיין מירקע פיהרט זיך עפּעס אויף ניט גאָר וויא עס דארף צו זיין. איהרע געסט, דיא בחורים אין דיא בלויע העמדלאך מיט דיא שווארצע שטעקלעך, זיינען איהם שטארק ניט געפעלען געווען; איהרע „סעריאָזנע ביכער“ זיינען איהם געווען גאָר ניט צום הארצען, און איהר גאנצער גאנג איז איהם געווען א גרויל וויא ניט לרצון. ער האָט שוין מיט איהר עט־ליכע מאָל גערעדט וועגען דעם אי מיט גוטען, געפּרופט זיך אויך א ביסעל מיט בייזען, נור צו ווייט איז ער ניט געגאנגען. ער האָט געקענט זיין טאָכטער און האָט פאר איהר א ביסעל פחד געהאט: זיא זאָל איהם חלילה ניט אָנטהאָן קיין לייטישע געלעכטער, און זיין שטאט, זיין שטאט. — דאָס איז ביי איהם געווען טהייערער פאר אלץ!

איהר מאמע, לאה פעשע, א פשוט'ע יודענע, וואָס האָט אראָבגעוואָרפען דעם פאריק, בעהאל־טען דעם קרבן־מנחה און געוואָרען א „מאדאם־באנקירשע“, איז מיט איהר מאשען נאָך מעהר

ניט צופריעדען געווען איידער איהר לייבע. סטייטש איהר מאשענקע! זיא האָט דאָך געקענט זיין דיא ערשטע בארישנע אין שטאָדט, דיא ערשטע פריילין אין יעדען קאָנצערט, אין טהעאטער, אויף דיא באללען, מיט איהר דייטש, מיט איהר פראנצויז, מיט איהרע ברילליאנטענע אויגען, און מיט א מאָל נא דיר! וויל זיא ניט הערען, ניט זעהען ניט פון קליידער, ניט פון מאָדעס, ווייכט פון לייטען, געהט אום אָנגעטהאָן וויא כ׳וויס ווער און פיהרט זיך ארום מיט מי יודע וועמען. איז דאָס ניט א שטראָף פון גאָט?

נאָר אזוינע געדאנקען פלעגט לאה פעשע פערטרויען נאָר זיך אליין אָדער איהר לייבען. פאר לייטען איז איהר מאשענקע געווען „דאָס בעסטע קינד אין שטאָדט,“ „געבילדעט אויפ׳ן העכסטען גראד און בעשיידען וויא א טייבעלע“, און דעם נחת וואָס זיא האָט פון איהר מאשענקען, פלעגט זיא ווינשען אלע איהרע בעסטע פריינד. מיט מאשען גופא פלעגט זיא כמעט וויא ניט ריידען. איהר יענטישער אריסטאָקראטיזמוס, איהר געקינסטעלטע שפראך, מיט די אריינגעשטעלטע דייטשע ווערטער, וואו עס פאסט און וואו עס פאסט ניט, איהר גאנצער בענעהמען פלעגט מאשען שטעכען וויא מיט שפיזען, און זיא פלעגט פון איהר אלע מאָל זעהען אָבצושניידען קורץ און שארף, און אזוי זיינען זיי מיט דער צייט געוואָרען האלב פון ווייטען, און דיא מאמע האָט מאשען געלאָזען צורוה.

דערפאר אָבער פלעגט זיא אויסלאָזען איהר גאנצעס האַרץ צו לייבע׳ס קאָפ.

— וואָס קלערסטו זיך, לייבע, וואָס קלערסטו זיך? — פלעגט זיא אויף איהם אָנפאלען שוין גאָר וויא א פשוט׳ע אידענע — דו ליגסט אלץ אָפ אויף שפעטער, נאָך׳ן טויט וועט אָבער קיין תשובה ניט העלפען! זעה נאָר וואָס פון אונזער מירקען איז געוואָרען, זיא פערשווארצט דאָך מיר דיא אויגען! וואו נאָר א שלעפער, וואו נאָר א מי יודע וואָס, דער איז מיט איהר חבר־לאָפ! און ער, א טאטע, און נאָך א גאנצער יא טעביע דאָם, דאכט זיך, כאי וואָלט דאָס איהם גאָר א טשעפ טהאָן, אָט וויא דיא וואנד אקוראט!

לייבע פלעגט זיך פרופען אָפ׳טענה׳ן פון זיין „מאדאם“, א מאָל פלעגט עס זיך איינגעבען און א מאָל פלעגט ער איהר נאָך שטארקער צורייצען. אזוי אז ער פלעגט מוזען ענטלויפען פון שטוב, אָדער אריינגעהן צו מירקען אין צימער „נעהמען זיך פאר איהרע יאָהרען“, וויא לאה פעשע פלעגט איהם הייסען. און אזוינע סצענען פלעגט זיא איהם מאכען, וויא זיא פלעגט נאָר דערזעהען „א בלויע העמדעל“ פערבייגעהענדיג פארביי איהר פענסטער, פארביי „איהר הויז“.

— געה ליובויע זיך אויף דיין טאָכטער׳ס קאוואלערען. און אָנהויבענדיג גאָר געלאסען, פלעגט שוין דאָס אוועקגעהן אלץ העכער און העכער ביז דער העכסטער אָקטאווע.

* * *

א מאָל נאָך איינער פון אזוינע סצענען איז לייבע אריינגעגאנגען צו מירקען אין צימער.

מירקע איז געזעסען מיט איהר רוקען צום טהיר נעבען טיש און געלעזען א יודישע פראָקלאמאציאָן פון דאָרטיגען בונדישען קאָמיטעט, וועלכע עס האָט געזאָלט דיא קומענדע נאכט פערשפרייט ווערען איבער דער שטאדט; אנטקעגען איהר איז געזעסען משה, א שלעסער, איינער פון דיא אגיטאטאָרען, און גערויכערט א פאפיראָס, קוקענדיג אויף אן אונבעשטימטען פונקט גלאט אין דער וועלט אריין.

אין צימער איז געווען שטיל און רוהיג, און לייבע׳ס פלוצלונגער אריינגאנג, זיין קלאפ מיט׳ן טהיר איז געווען אזוי אונגעריכט, אז ביידע האָבען זיך אינסטינקטיוו א טרייסעל געטהאָן. דער ערשטער האָט לייבע׳ן דערזעהען משה, און וויא א בליץ איז דורך זיין מח דער געדאנק: „וואָס טהוט מען דאָ?“... ארויסכאפען דיא פראָקלאמאציאָן, צורייסען זי, אָדער א ווינק טהאָן מירקען זיא ערגעץ צו פארשטעקען?... „ניין, דאָס טויג גאָר ניט! לייבע יאכנין איז ניט א הינטער־אייווען־אידעל, ערשט דאן וועט ער מערקען, אז דאָ איז עפעס א טריפה זאך, און דערפון וועט קענען ארויסקומען מי יודע וואָס“... ער איז דעריבער געבליבען זיצען אויף זיין אָרט און געפיפקעט זיין פאפיראָס, פונקט וויא עס וואָלט גאָר ניט געשעהען. ער האָט נאָר בגנבה א וואָרף געטהאָן א בליק אויף מירקען און געזעהען, אז זיא ליענט ווייטער דיא פראָקלאמאציאָן: זיא איז אויך געקומען צום זעלביגען בעשלוס אין איהרע געדאנקען וויא משה, אז דיא בעסטע עצה איז בלייבען רוהיג אויף דיא ערטער, יעדערער ביי זיין פאָזע.

לייבע אָבער, איין אונטערגעפייערטער פון זיין לאה פעשען און א בייזער אויף דער גאנצער וועלט אי פאר דיא סצענעס פון דער ווייב, אי פאר דיא אורחים פון זיין טאָכטער, וועלכע פארשווארצען איהם דיא אויגען, איז נערוועז

צוגעגאנגען צו מירקעס שטוהל און אריינגעקוקט גלייך אין דאָס געדרוקטע פאפירעל. משה האָט דאָס אלץ געזעהען, איהם איז דיא בלוט פון דיא פיאטעס אין קאָפּ אריין, ער האָט געפיהלט, אז דאָ וועט באלד אויסברעכען עפעס זעהר א מורא'דיגע סצענע, פיעללייכט א טיעפע דראמא. ער האָט געוואוסט, אז לייבע יאכנין איז א איך מיט ביינער, מיט א ברייטער האריץ און וועט דאָס געווים אזוי גלאט ניט דורכלאָזען, נאָר וויא צו פערמיידען דאָס, האָט ער ניט געוואוסט און דערצו האָט זיך ביי איהם אריינגע'גנב'עט דער געדאנק: טאָמער... טאָמער וועט עס דורכגעהן אזוי, טאָמער וועט ער אפשר ניט פערשטעהען, וואָס דאָס איז פאר א פאפירעל, און ער איז דע־ריבער געבליבען אין זיין פּאָזע, פּיפּקענדיג זיין פּאפּיראָס, וויא פריהער.

מירקע האָט זיך אויך געסטאַרעט צו זיין קאַטבלוטיג און כלומרשט געלעזען וויטער.

לייבע האָט איבערגעלייענט דיא אויבערשטע גרויסע ווערטער: „צו אלע אידישע ארבייטער און ארבייטערקעס פון נ..." א בליק געטהאָן דיא אונטערשריפט: „נ...ער קאָמיטעט פון בונד", א וואָרף געטהאָן נאָך א בליק אויף דער איבער־שריפט און גלייך אויפגעהויבען א פּאָר פייער־דיגע אייגען אויף משה'ן.

— דאָס האָט איהר, יונגער מאן, געבראכט אהערצו דיא פּאפּירעל?!... (דערביי האָט ער בייז געטייט מיט זיין גרויסען פינגער אויף דער פּראָקלאמאציאָן). — שוין טעלעפאָניר איך דעם פּאָליצמייסטער! — האָט ער אויפגעהויבען זיין קול אויף א פּאָר טאָנען העכער.

— און דו, מירקע, זאָלסט זעהען, אז פון דיא לייט זאָל ביי מיר אין שטוב קיין זכר ניט זיין מעהר...

מירקען האָט זיך פערטרייסעלט הענד און פיס. אזא גראָבקייט האָט זיא פון איהר טאטען, א דזשענטלמען בכלל, גאָר ניט ערוואַרטעט; זיא איז אויפגעשפּרונגען פון שטוהל, געוואָלט וואָס טהאָן, זאָגען, שרייען, נאָר לייבע איז שוין ארויס געשווינד וויא א פייל פון בויגען, א קלאַפּ טהוענדיג בייז מיט'ן טהיר הינטער זיך.

משה האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל, ארויסגענומען דיא פּראָקלאמאציאָן פון מירקע'ס הענד, אריינגעשטעקט זיא אין קעשענע און גענומען זיך געהן.

—מען מוז זיך אָבטראָגען, דאָס איז קודם כל, און איהר געהט האלט אָפּ דעם טאטען דיא עריטעטע הייסע ווילע... און אליין בערוהיגט זיך. עס האָט בעצם גאָר ניט פּאסירט, גאָר ניט מיט גאָר ניט.

מיט דיא ווערטער איז משה ארויס דורך דער הינטער טהיר און באלד פערשוואונדען גע־וואָרען.

מירקע איז אריין צום טאטען אין קאָנטאָר, נאָר דעם טאטען האָט זיא ניט געפונען. ער האָט גענומען אן איזוואָשציק און איז אוועק־געפאָהרען ערגעץ — האָט איהר געזאָגט איינער פון דיא בוכהאלטער.

מירקע איז אוועק צוריק צו זיך אין צימער, נאָר זיא האָט זיך דאָרט קיין אָרט ניט געקענט געפינען און איז אויך באלד אוועק, אזוי גלאט, אָהן א ציעל, א ביסעל בערוהיגען זיך.

* * *

אין עטליכע טעג ארום האָט מען משה'ן ארעסטירט, און הגם מען האָט ביי איהר גאָר ניט געפונען, האָט מען איהם דאָך בעשולדיגט אין פערשפּרייטען א רעוואָלוציאָנערע פּראָקלא־מאציאָן און מען האָט איהם געגעבען אָנצוהערע־ניס, אז געגען איהם איז דאָ א רעעלער עדות. נאָך יאכנין'ס הויז האָט מען פון דאמאָלס אָן אָנגעהויבען נאָכצוקוקען. דאָס האָבען עטליכע חברים באלד בעמערקט, און מען האָט אָנגעזאָגט מירקע'ן, אז זיא זאָל ביי זיך גאָר ניט האלטען און קיינעם ביי זיך ניט צונעהמען.

דאָס אלעס איז געווען א בעוויז פאר מיר־קען, אז אין משה'ס ארעסט איז שולדיג איהר טאטע, איהר אייגענער טאטע, און זיא האָט דאָס ניט געקענט אריבערטראָגען. זיא האָט זיך אומ־געטראָגען מיט משונה ווילדע געדאנקען, דאָס פלעגט איהר ארויף אויף'ן זינען, אז זיא אליין איז שולדיג אין משה'ס ארעסט און זיא מוז דע־ריבער לויפען צום זשאנדארמסקען נעהמען אויף זיך אלעס. דאָס פלעגט איהר אריינפליהען זאָ־גאר א געדאנק פון זעלבסטמאָרד, דאָס א געדאנק פון נקמה געגען איהר פּאָטער דעם..... דעם.... זיא פלעגט זאָגאר שרעקען זיך צו טראכטען ווע־גען דעם, וואָס איהר פּאָטער איז און וואָס ער האָט דאָ געשפּיעלט פאר א ראָלע אין משה'ס ארעסט.

זיא איז געוואָרען מרה־שחורה'דיג, אָבגע־צערט, בלאס, איהר טאטען און מאמען פלעגט זי זעהען אויסצומיידען, ניט צו טרעפען זיך מיט זיי, עסען שפּעטער פאר אלעמען, ליגען אין בעט ביז 11, 12 אזייגער, כדי ניט צו טרעפען זיך מיט

זיי ביים קאפע. איהרע ביכער זיינען דיא צייט רוהיג געשטאנענען אין איהר־ביכער־געשטעל; דיא חברים פלעגט זיא אויך טרעפען זעלטענער, מיט איין וואָרט, זיא איז געוועזען א צובראָכענער מענש....

און דיא צייט איז זיך געגאנגען וויא אימ־מער, ניט קימערענדיג זיך, וואָס עס קומט פאָר אין דעם מענשען׳ס לעבען, ניט מיט זיינע ליי־דען, ניט מיט זיינע פריידען.

משה איז נאָך אלץ געזעסען אין טורמע, וויא פריהער און וויא נאָך אנדערע חברים אין אלע עקען און ווינקעלאך פון דעם צארענלאנד.

לייבע יאכנין האָט געפיהרט זיינע דיסקאָנ־טעס, צאָהלונגען און אלע אנדערע באנק־געשעפטען, געפראוועט וויזיטען צו דיא „הויכע פערזאָנען“, געזוכט כבוד אין שול און אויפגעפאסט פון דער זייט אויף מירקען, זייענדיג אי צופריעדען אי אונצופריעדען מיט דער פערענדערונג, וואָס אין איהר איז פאָרגעקומען פון יענער „פאפיערעל“ אָן.

לאה פעשע האָט זיך גענייט נייע קליידער נאָך דיא נייעסטע מאָדעס און געהאָפט אויף זומער צוזאמען מיט איהר מאשען פאָהרען קיין אויסלאנד, קיין קארלסבאד, וואו זיי וועלען ווערן גוטע פריינד, וויא א מאמע מיט א טאָכטער דארפען זיין.

נאָר מירקע האָט זיך נאָך אלץ ארומגעטראָגען מיט משונה׳דיגע געדאנקען וועגען משה׳ס ארעסט, וועגען זיך און הויפּטזעכליך וועגען איהר טאטען.

מיט דיא גענאָססען האָט זיא וועגען דעם ניט גערעדט. „זיי קענען מיך ניט פערשטעהען. פאר זיי איז ער א באנקיר, א בורזשוי, וויא אלע אנדערע בורזשויען, מיט וועלכע זיי קעמפפען אין דעם גרויסען אלגעמיינען קלאסענקאמפף.... אָבער אי.... איך....“ קיין קלאָרע געדאנקען, וועלכע עס זאָלען גענוי אויסדריקען דעם אונ־טערשייד צווישען איהר און דיא גענאָססען, האָט זיא ניט געפונען, נאָר דאָך האָט זיא געפיהלט, אז דערינען איז דאָ זעהר א גרויסער אונטער־שייד, „וואָלט איך ניט געוועזען זיינע א טאָכטער.... וואָלט דאָך משה ניט ארעסטירט געוואָרען“...

— איך בין שולדיג! און איך מוז עפּעס טהאָן דערצו... אזוי בלייבען קען דאָס ניט, דארף דאָס ניט, טאָר דאָס ניט!!!

* * *

און זיא האָט טאקע געפונען, וואָס צו טהאָן דערצו. און זינט זיא האָט עס געפונען, איז זיא גאָר איין אנדער מענש געוואָרען, אין גאנצען אָבגעלעבט; ווידער גענומען זיך צו דער ארבייט, ווידער געוואָרען פריש און פרעהליך, ווידער כמעט דיא אלטע מירקע געוואָרען. און איהר גליקליכען געדאנק האָט זיא אויך באלד פראקטיש דורכגעפיהרט.

א מאָל, א פריהמאָרגען, איז מירקע אריין צו איהר פאָטער אין קאבינעט, אָנגעטהאָן אין הוט און מאנטעל מיט א רייזע־סומקעלע איבער׳ן פלייצע, אזוי וויא אויף דער רייזע. איהר געזיכט איז געוועזען בלאס, אָבער ערנסט, אזוי וויא זיא האָט זיך אויף עפּעס פעסט בעשלאָסען.

— טאטע! — האָט זיא א זאָג געטהאָן הארט — איך פאָהר באלד קיין ווילנא, ארבייטען דאָרטען אין „בונד“. קענסט טעלעפאָנירען דעם פאָליצמייסטער, אויב דו ווילסט.....

א איד.

# נייע ביכער.

„ליעבע און פאמיליען־לעבען לויט אידיש־קיט“, פון ב. פייגענבוים.

די טהעמא, וועלכע ווערט בעהאנדעלט אין דיזען ווערקעל, איז א העכסט אינטערעסאנטע און בעלעהרענדע, און איז, אויף אזוי ווייט וויא איך וויים, נאך ניט בעהאנדעלט געוואָרען אין זשארגאָן אויף אַן אונפּארטהייאישען וועג. ה׳ פייגענבוים איז דער ערסטער, וועלכער האָט זיך גענומען די לויבענסווערטהע ארבייט בעקאנט צו מאכען דעם זשארגאָן־לעזער מיט דיזען געגענשטאנד „ערנסט, אונפּארטהייאיש, אָהן פּאָראורטהייל“ — און שוין דערפאר אליין קומט איהם א יישר־כוח.

איז עס אָבער ה׳ פייגענבוים׳ען געלונגען צו האלטען זיין פערשפּרעכען? ווערט די טהעמא ווירקליך בעהאנדעלט „ערנסט, אונפּארטהייאיש, אָהן פּאָראורטהייל?“ מיר שיינט, אז דאָס האָט זיך איהם ניט אין גאנצען איינגעגעבען, און שולדיג דערין איז דאָס, וואָס דעם ווערטהען פערפאסער ווילט זיך ויכוח׳ענען מיט די „טהרת־המשפּחה׳ניקעס“, און דורך דעם פערליערט דאָס ווערקיל זיין אונפּארטהייליכקייט און פיעלעס פון זיין ערנסטקייט.

שוין דער נאָמען אליין פון ווערקיל איז ניט זעהר קיין געראָטענער, ווייל ער איז ניט קלאָר גענוג. עס שטעלט זיך דיא פראגע, לויט וועלכע „אידישקייט“? פאר דעם וויסענשאפטליכען פאָרשער — ניט פאר דיא רעווערענדס און טהרת־המשפּחה׳ניקעס — איז ניטאָ אזא מין אידישקייט, וואָס איז איין מאָל פאר אלע מאָל געגעבען געוואָרען פון בארג סיני און איז, און וועט אלע מאָל בלייבען אונפערענדערט; עס איז אויך ניטאָ קיין בעשטימטע „יהדות“ ווי די משכילים אָדער „יודענטהום“ וויא דיא טייטשען, להבדיל, רופען עס. עס זיינען געוועזן און עס זיינען נאָך דאָ אידען, וועלכע לעבען און ענטוויקלען זיך, און צוזאמען מיט זיי ענטוויקלען זיך און בייטען זיך אויך זייערע בעגריפע און אנזיכטען, פונקט ווי ביי גוים להבדיל. געוויס, עס איז דאָ א אידישקייט, ווייל עס זיינען דאָ אידען, אָבער וואָס פאר א אידען אזא אידיש־קייט. ארויפווארפען אויף דיא אידען פון איין עפּאָכע דיא אידישקייט (אָדער דיא אנזיכטען פון דיא אידען) פון א צווייטער עפּאָכע איז, נאָך מיין מיינונג, ניט אונפּארטהייאיש און זיכער ניט ערנסט גענוג. (אָט דאָס טאקע טהוען דאָך דיא טהרת המשפּחה׳ניקעס און דיא רעווערענדס, וועלכע ווילען האָבען אז אברהם אבינו האָט געמאכט א׳ן עירוב תבשילין און יעקב אבינו פלעגט דאווענען מעריב. מיר ווייסען דאָך אָבער אז אברהם אבינו איז נאָר א מיטהישע פּערזענליכקייט און עירוב תבשילין איז, פערהעלטניסמעסיג, א גאנץ שפּעטערדיגע אידישקייט.) דיזע טהעמא האָט, נאָך מיין מיינונג, געקענט ווערן בעהאנדעלט אונפּארטהייאיש און ערנסט נור פון א קולטור־היסטאָרישען שטאנדפּונקט, און דער נאָמען האָט געדארפט זיין „ליעבע און פאמיליען־לעבען ביי אידען“. ה׳ פייגענבוים וויים גאנץ גוט, אז עס זיינען געוועזן פערשיעדענע אידישקייטען, מען זעהט עס ארויס טאקי פון דעם ביכעל גופא, אָבער פון דעסטוועגען מישט ער זיי צוזאמען אין איינעם און ברענגט אין איין אָטהעם ראיות פון אברהם אבינו, וועלכער איז העכסט וואהרשיינליך א לא היה ולא נברא, פון דוד המלך און מיט אמאָל שפּרינגט ער גאָר אריבער צו דער גמרא, און ער פערגעסט אין גאנצען, אז דאָס זיינען רק פערשיעדענע אידישקייטען פון פערשיעדענע עפּאָכען. איך וויים פונקט אזוי גוט וויא דער ווערטהער פערפאסער, אז דיזע אלע פערשיעדענע אידישקייטען און אפילו „מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש“ ווערען בעטראכט פון דיא רעווערענדס און טהרת המשפּחה׳ניקעס פאר איין אידישקייט, וואָס איז געגעבען געוואָרען מסיני. אָבער וואָס געהען אונז אָן דיא רעווערענדס, ווען מיר ווילען בעהאנדלען א געגענשטאנד אונפּארטהייאיש און ערנסט — צום טייפעל מיט דיא טהרת המישפּחה׳ניקעס!

בראָשית, אין אָנפאנג, ווען אידען זיינען געוועזן אין א האלב־בארבארישען צושטאנד, איז דיא פרוי געוועזן בעטראכט נור אלס א חפץ, אלס א געגענשטאנד: דאָס אייגענטהום פון טאטען פאר איהר התונה און דעם מאן׳ס אייגענ־

טהום נאָך איהר התונה, פונקט וויא עס איז געווען ביי אלע פעלקער אין דעם זעלבען קולטור־רעלען צושטאנד. דער טאטע האָט געקענט פערקויפען זיין טאָכטער צו א מאן — דאָס געלד וואָס ער האָט געקראָגען פון מאן האָט געהייסען א „קידושין“ און בעלאנגט צום טאַטען. דאָס איז שוין אייגענטליך געווען א שריט פאָרווערטס, ווייל בעפאָר האָט מען וואהר־שיינליך דיא ווייבער גערויבט, אזוי וויא ביי אנדערע ווילדע פעלקער. אין תנ"ך קען מען געפינען א'ן אנדייטונג אויף אזא עפּאָכע מיט דעם שבט בנימין, דיא מענער פון וועלכען האָ־בען געכאפּט ווייבער אין דיא גערטנער אלס דיעזע האָבען געטאנצט.

ווען דיעזעלבע אידען האָבען עררייכט א העכערע שטופע פון קולטור, האָט שוין דער טאטע ניט געקענט מעהר פערהאנדלען זיין טאָכ־טער, צו וועמען ער האָט געוואָלט, און דיא „קידושין“ האָט שוין אוי דָניט בעלאנגט צו איהם — עס האָט בעלאנגט צו איהר. די גאנצע „קידושין“ האָט שוין אויך ניט בעלאנגט צו רען דעם אָריגינעלען כאראקטער; עס איז שוין מעהר ניט געווען קיין קויף־געלד, מיט וועלכע איינער האָט זיך געקויפט א ווייב, עס איז נור געבליבען א צערעמאָניע, וועלכע האָט שפּעטער געקראָגען א רעליגיעזע פארב, א רעליגיעזע בע־דייטונג. אין דער קולטור־געשיכטע פון אלע פעלקער זעהען מיר דאָסזעלבע, וויא פון א געוויסע איינריכטונג, וועלכע איז געווען א נויט־ווענדיגקייט אין א פריהעריגען דור, ווערט שפּעטער א רעליגיעזע טראדיציע, און דיא אָרי־גינעלע בעדייטונג ווערט אין גאנצען פערשוואונ־דען. זאָגען דארום, אז לויט אידיש־קייט מעג א טאטע פערקויפען זיין טאָכטער, און אז א פרוי קען מען קויפען פאר א פּרוטה אָדער שוה פּרוטה איז ניט אמת; זאָגען, אז ביי אידען איז אמאל געווען אזא צייט, איז שוין גאָר א גאנץ אנדער זאך און וועט טאקי זיין א'ן אמת.

ווען ה' פייגענבוים וואָלט בעהאנדעלט דיעזע טהעמא פון א קולטור־היסטאָרישען שטאנד־פּונקט וואָלט ער נאטירליך ניט געקענט רעדען וועגען א „אידישען פּרינציפּ“, וועלכער איז שפּע־טער בעאיינפלוסט געוואָרען פון „קריסטליכען פּרינציפּ“, ווען אידען זיינען געווען אין גלות און האָבען געלעבט צווישען קריסטען. עס איז טאקי אמת, אז ביי דיא אלטע אידען איז דער געשלעכטס־פערקעהר ניט קיין שענדליכע זאך, אָבער דאָס איז ניט נאָר ביי אידען, זאָנדערן ביי אלע פעלקער אין יענעם קולטורעלען צושטאנד. ביי מאנכע איז עס זאָגאר געווען בעטראכט פאר א היילינקייט, און דיא אידישע נביאים האָבען געארבייט מעשים געגען עובדי הבעל און געגען דיא פרויען וואָס זיינען „מבכות את התמוז“.

עס איז אויך אמת, אז דיא פרוי ווערט אין דיא קריסטליכע לעהרע בעטראכט אלס א'ן אונ־ריינע זאך און דער געשלעכטס־פערקעהר אלס עטוואס שענדליכעס, סיידען עס ווערט געהיי־ליגט דורך דיא רעליגיעזע צערעמאָניע, אָבער דאָס האָט דער קריסטענטהום ניט ערפונדען אלס עטוואָס אָריגינעלעס. דיעזע אנזיכטען זיינען שוין פריהער געווען ביי אידען, אמת אין א מיל־דערע פאָרם, און דאָס קריסטענטהום איז בע־איינפלוסט געוואָרען פון דיא אידישע אנזיכטען פון יענער צייט, ווען עס איז ענטשטאנדען. דיא לעגענדע וועגען חוה'ן און דעם שלאנג איז גע־ווען ביי אידען איידער דאָס קריסטענטהום איז ענטשטאנדען; „מר ממות את האשה, ואשה בכל, אלה לא מצאתי“, זיינען אויך געזאָגט געוואָרען פריהער; דיא דינים פון „נדה“ זיינען אויך געווען פריהער, אמת ניט מיט אלע פּיצעווקעס; דיא אידישע סעקטע איססים (עסעאנער) האָ־בען געלעבט אָבגעזונדערט פון פרויען און דער תלמוד רופט זיי „חסידים הראשונים“. יאָהאן דער טויפער, אויב אזא פערזענליכקייט האָט ווירקליך עקזיסטירט, איז וואהרשיינליך געווען א מיטגליעד פון דיזער סעקטע, און דיא אנזיכ־טען פון דיזער סעקטע זיינען עס אריינגעגאנגען אין דעם קריסטענטהום. פון דעם געזונדען, נאָרמאלען געשלעכטס־פערקעהר איז געוואָ־רען א מצוה, פון וואָס מען דארף קיין פערגניגען ניט האָבען און איילען זיך „כאלו כפאו שד“...

געוויס, עס זיינען געווען פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אורזאכען, וואָס האָבען ארויס־געבראכט דיזע ראדיקאלע ענדערונגען אין דיא אנזיכטען, אָבער דיעזע ענדערונגען זיינען שוין געווען ביי אידען נאָך איידער קריסטוס איז גע־באָרען געוואָרען, אויב ער איז ווען עס איז געבאָרען געוואָרען, און עס איז ווירקליך א וואונדער פאר וואָס ה' פייגענבוים רופט עס דער „קריסטליכער פּרינציפּ“.

דיא אידען האָבען געהאט א תורה שבכתב, געשריעבענע געזעצע, וועלכע זיינען נאָך דערצו

געוועזען בעטראכט אלס הייליגע און האָבען ניט געקענט ווערען געענדערט לויט דיא בעדירפ־ניסע און בעגריפע פון דער צייט. דאָס לעבען איז אָבער שטארקער פאר אלע געזעטצע, אפילו פאר הייליגע, און עס האָט זיך אויסגעארבייט א תורה שבעל פה, דורך וועלכע אלע אבסורדע און אונמעגליכע געזעטצע זיינען געענדערט געוואָרען אויף'ן גרונד פון פשט'לעך און דרייד־לעך, כדי זיי זאָלען זיך פאסען צום לעבען אָהנע דערביי אָפיציעל אָנצוריהרען די הייליגקייט פון דער „תורה שבכתב“. און אזוי איז עס גע־קומען, וואָס פאר דעם דורכשניטליכען עולם איז אלעס בעטראכט געוואָרען אלס איין איינציגע אידישקייט, וואָס איז אָבער לגמרי ניט אמת.

די געזעטצע פון דער תורה שבכתב וועגען פאמיליען־לעבען האָבען ניט מעהר געשטימט מיט דיא בעגריפע פון לעבען, און עס האָבען זיך אויסגעארבייט נייע תקנות און נייע מנהגים, ווי ה' פייגענבוים האָט עס גאנץ ריכטיג בעוויזען. פאָליגאמיע איז געווען ערלויבט, אָבער גאנץ וויניג פראקטיצירט שוין ביי'ן צווייטען בית המקדש; עס זיינען געלעגט געוואָרען שוועריג־קייטען ביי'ן גט'ן זיך, „כדי דיא אידישע טעכ־טער זאָלען ניט זיין הפקר“; „קדושין“ פון א קטנה (מינדעריעהריגע) זיינען ניט תופס. אויב מען פערהייראטעט א מינדעריעהריגע קען זיא אוועקגעהן, ווען זיא ווערט עלטער (יצאת במיאן); אויב דיא פרוי האָט פיינט דעם מאן, ווייל ער איז קרעציג אָדער אזוי א מנול, מעג זיא איהם גט'ן. דיא אידישע פרוי האָט, פערהעלטניסמעסיג, געקראָגען פיעלע פרייהיי־טען, יעדענפאלס פיעל מעהר וויא דיא פרויען פון דיא בענאכבארטע פעלקער, וועלכע זיינען געשטאנען אויף א ניעדריגערע מדרגה פון קולטור.

אייגענטליך געפינט מען דיא אלע בעהויפ־טונגען, וואָס איך האָב דאָ געמאכט אויך אין ה' פייגענבוים'ס ביכעל און נאָך פיעל ברייטער וויא עס איז מיר מעגליך דאָס צו זאָגען אין אזא קורצע רעצענזיע, אָבער ביי ה' פייגענבוים איז עס צוואוואָרפען אבער'ן גאנצען ביכעל, און גאנץ אָפט קומט אויס, אז ער איז זיך אליין סותר. אין דעם קאפיטעל „פערשיעדענע צייטען, פערשיעדענע דינים“, רעדט ער וועגען „אומ־שטענדען וואָס ווירקען אויף בעגריפע“ א. ז. וו. און טענה'ט, אז דיא אידישע מנהגים וועגען הייראטה בייטען זיך מיט דיא אומשטענדען, און דאָך רעדט ער וועגען א'ן איין־איינציגע אידישקייט. און וועגען וועלכע אידישקייט ה' פייגענבוים רעדט איז אויך ניט קלאָר: אין פלעטצער איז צו זע־העז, אז ער מיינט דאָס וואָס ער רופט אָן „דיא אלטע, עכטע אידישקייט“; אין אנדערע פלע־צער דאַגעגען רעדט ער שוין וועגען דיא אידיש־קייט פון תלמוד, ווי, צ. ב., אין דעם קאפיטעל „דיא ווירדע פון דער פרוי לויט אידישקייט“. ה' פייגענבוים שפרינגט פון איין עפאָכע צו דער צווייטער, מישט צוזאמען דיא פערשידענע דינים און בעגריפע פון פערשידענע צייטען אין איין קאשע, כדי מסתמא ער זאָל זיך קענען ויכוח'ן מיט דיא טהרת־המשפחה'ניקעס.

אויסער דיעזען הויפט־פעהלער, וועלכער ציהט זיך וויא א רויטער שנירעל דורך דעם גאנצען ביכעל, געפינען זיך מאנכע קלענערע פעהלערען, צווישען וועלכע מען דארף רעכענען, וואָס ה' פייגענבוים ערלויבט זיך צו מאכען כלומרשט וויציגע בעמערקונגען, וועלכע פאסען פיעללייכט פאר'ן אידישען טהעאטער, אָבער ניט אין אן ערנסטע אָבהאנדלונג איבער א גאנץ ערנסטען געגענשטאנד. איך וועל ברייגגען ביישפיעלע: וועגען דיא מעשה מיט שרה'ן, אברהם'ען און הגר (זייטע 21) מאכט ער: „א צדיק איז טאקי א צדיק“; דיא אנמערקונג וועג־גען ר' מאיר'ן, וועלכער האָט זיך אָבגעקיהלט אין טייך (זייטע 29) א. ז. וו.

אָבער טראָטץ דיעזע פעהלערען איז דאָס ביכעל אין גאנצען גענומען ווערט געלעזען צו ווערען. ה' פייגענבוים האָט אָנגעקליבען גענוג אינטערעסאנטען מאטעריאל. און אויב זיין הויפט־כונה איז געווען צו האָבען א ויכוח מיט די טהרת־המשפחהניקעס פון זייער שטאנדפונקט אָדער וויא דיא גמרא רופט עס אָן לדידך — איז עס איהם אויך גע־לונגען.

דר. א. גינזבורג.

# וויכטיגע בעקאַנטמאַכונג.

דער עקסקורשאָן פון דיא „צוקונפט“ וועלכער האָט געזאָלט זיין דעם 25טען יוני איז אויפגעגעבען געוואָרען, דיעזער שריטט וועט אונז קאָסטען איבער 200 דאָלאר און דאָך האָבען מיר עס אויפגעגעבען, ווייל דיא מאָראלישע פפליכטע ערלויבען אונז ניט צו מאכען א׳ן עקסקורשאָן, נאָך דעם וויא עס האָט פּאסירט אזא געוואלדיגער אונגליק מיט א׳ן עקסקורשאָן, קענען מיר ניט און טאָרען ניט שטערען קיין מענשען־לעבען אין געפאהר. אום צו דעקען דעם פערלוסט פון דעם עקסקורשאָן, האָבען מיר אַרראַנזשירט א גרויסארטיגען פּיק־ניק אין ליבערטי פּארק אויף דעם 27טען אויגוסט.

מיר האָפען אז אלע פריינדליכע אָרגאניזאציאָנען סימפּאטייזער פון דיא „צוקונפט“ וועלען העכסט צופריעדען זיין מיט אונזער האנדלונג. מיר פערזיכערען אלע פריינד פון דיא „צוקונפט“ אז אויף אונזער פּיק־ניק וועט מען זיך אמוזירען פיעל בעסער און שעהנער, אָהן טייט־ער־עק ווי אויף דעם עקסקורשאָן.

## צו אַלע פּאָרטגעשריטענע אָרגאַניזאַציאָנען.

פּאָלגענדע פּאָרטגעשריטענע אָרגאניזאציאָנען האָבען געפּאָלגט דעם ביישפּיעל פון דיא פריהערדיגע בּרענטשעס „ארבייטער רינג“ און נעהמען אויף דיא „צוקונפט“ פיר זייערע מיטגליעדער.

ברענטש 23 ארבייטער רינג, ניו יאָרק.
ברענטש 35 ארבייטער רינג, ניו יאָרק.
ברענטש 49 ארבייטער רינג, ניו יאָרק.
ברענטש 54 ארבייטער רינג, ניו יאָרק.
ברענטש 70 ארבייטער רינג, ניו יאָרק.
ברענטש 72 ארבייטער רינג, ניו יאָרק.
ברענטש 4 ארבייטער רינג, ברוקלין.
ברענטש 25 ארבייטער רינג, ברוקלין.
ברענטש 10 ארבייטער רינג, בעיאָן, נ. י.
ברענטש 36 ארב. רינג, טשעלסי מאסס.
ברענטש 48 ארב. רינג, ברידזשפּאָרט. קאָנ.
ברענטש 58 ארב. רינג, בראָקטאָן, מאסס.
ברענטש 60 ארב. רינג, סט. לואיס, מאָ.
ברענטש 65 ארב. רינג, שיקאגאָ, אילל.
בוקארעסטער אונטערשט.־פעראיין, נ. י.

מיט דעם גרעסטען פערגניגען דריקען מיר אויס אונזער הערצליכען דאנק עפענטליך צו די אלע פּאָרטגעשריטענע אָרגאניזאציאָנען, וועלכע העלפען פערשפּרייטען ליכט און בילדונג צווישען זייער גרויסע מאסע מיטגליעדער דורך „דיא צוקונפט“. דיא גוטעס וואָס זיי טהוען אויף דערמיט איז ניט אָבצושאצען.

נון אָבער ווילען מיר בעטען דיא ווערטהע אָרגאניזאציאָנען זיי זאָלען זעהען, אז פון דיא גוטעס וואָס זיי טהוען זאָל ניט ארויסקומען קיין שלעכטעס פיר דיא „צוקונפט“, ווייל אין אייניגע פּעלע ליידעט שוין דיא „צוקונפט“ זעהר פיעל דערמיט, דאָס פיעלע אָרגאניזאציאָנען צאָהלען ניט רעגעלמעסיג זייערע בּיללס מאָנאטליך פיר דיא „צוקונפט“ און אזוי וויא דיא „צוקונפט“ מוז צעטלען איהרע בּיללס מאָנאטליך, קומט מען אָפט אין דער גרעסטער פערלעגענהייט. און וויא מיר האָבען זיך ערקונדיגט, זיינען אנדערע אָרגאניזאציאָנען דערין גאָר ניט שולדיג, זיי גיבען איבער דיא געלד פיר דיא „צוקונפט“ צו זייערען א פערטרויטען אָבצושיקען עס און יענער פערגעסט. ווען מען דערמאָהנט איין מאָל און צוויי מאָל מיט א ביל — געוועהנליך שיקט מען דאָך דיא בילל אויף צו דעם אנגעשטעלטען פערטרויטען און אזוי וויא ער האָט שוין לאנג אָן דיא געלד פערגעסען, פערגעסט ער שוין ממילא צו ענטפערן אויף דעם ביל, אזוי געהט עס אריבער אייניגע מאָנאטען און אין אָפיס פון „צוקונפט“ ווערט עס ענגער און ענגער.

אלזאָ גענאָסען און פריינדע פון דיא „צוקונפט“, מיר אפּעללירען צו אייך, נעהמט אייך אין אכט, זעהט וואָס שנעלער סעטלען אייערע בּיללס, אום דיא גאנץ גרויסע צירקולאציאָן פון דיא „צוקונפט“ וואָס איז געקומען דורך אייך,

זאָל ניט רואינירען אין גאנצען דיא „צוקונפט“, אויב איהר וועט זיך באלד ניט א נעהם טהאָן צו פערריכטען דיא פעהלערן. לאנג קען עס געוויס ניט אָנהאלטען אויב עס וועט אזוי ווייטער געהאנדעלט ווערען. עס טהוט אונז זעהר לייד דאָס צו שרייבען, מיר קענען זיך אָבער אנדערש ניט העלפען, און מיר בעטען ענטשולדיגונג.

מיט פריינדליכען גרוס,

מענעדזשמענט צוקונפט.

# צו דיא לעזער און פריינדע פון „דיא צוקונפט“

פריינדע! מיט אייער הילפע האָבען מיר ארויסגעגעבען דיא „צוקונפט“ צוויי און א האלב יאָהר, מיט אייער הילפע האָבען מיר פערגרעסערט דיא צירקולאציאָן, און מיט אייער הילפע האָפען מיר זיא ווייטער ארויסצוגעבען. נון איז אָבער דאָ איין זאך אָן וועלכע קיין זשורנאל קען זיך ניט בעגעהן און דאָס איז „אדווערטייזמענטס“. אום איין זשורנאל זאָל זיך בעצאָהלען מוז מען האָבען גענוג אדווערטייזמענטס, און דאָס האָט דיא „צוקונפט“ ליידער ניט גענוג. דיא אורזאכע איז גאנץ איינפאך. דיא „צוקונפט“ קען ניט און וועט ניט אָננעהמען „אלע“ אדווערטייזמענטס וואָס עס מאכט זיך. דיא „צוקונפט“ נעהמט נור אריין רעעלע ביזנעס צו אדווערטייזען, און דאָס איז דאָ בלויז א בעשרענקטע צאָהל, און יעצט קומען מיר צום פונקט. יעדער רעגולאר ביזנעס־מאן אדווערטייזט ניט גלאט אין דער וועלט אריין. ווען א ביזנעס־מאן ספענט געלד פיר אדווערטייזמענטס ערוואַרטעט ער דאפון צו קריגען גוטע רעזולטאטען. מיר זיינען איבערצייגט, אז דיא „צוקונפט“ מיט אזוי פיעל טויזענדער לעזער ברענגט דעם ביזנעס־מאן גוטע רעזולטאטען, נור דער ביזנעס־מאן ווייסט ניט דערפון. דארום בעטען מיר אייך אלע פריינדע און לעזער פון דיא „צוקונפט“ צו פאטראָניזירען נור דיא ביזנעס וועלכע זיינען אדווערטייזט אין דיא „צוקונפט“ און אויך איהם געבען אָנצוהערען אז איהר קויפט ביי איהם נור דערפאר ווייל ער אדווערטייזט אין דיא „צוקונפט“. טהוט דאָס, פריינדע! איהר וועט זיך ניט שאדען און דער „צוקונפט“ וועט איהר דערמיט זעהר פיעל העלפען. אויך קאָנטרי־לעזער ווען זיי שרייבען זיך איבער מיט אונזערע אדווערטייזער, זאָלען ניט פערפעהלען צו דערמאָהנען אז זיי האָבען געלעזען דיא אדווערטייזעמענטס אין דיא „צוקונפט“. אויף אזא וועג וועט דיא „צוקונפט“ קריגען גענוג אדווערטייזמענטס און דאָס וועט אונז געבען א מעגליכקייט דיא „צוקונפט“ צו פערגרעסערן און צו פערבעסערן. טהוט אייער פפליכט געגענאָסען און פריינדע און פאטראָניזירט דעם ביזנעס־מאן וועלכער פאטראָניזירט אייער זשורנאל דיא „צוקונפט“. מיר ווענדען זיך צו אייך לעזער און פריינדע פון דיא „צוקונפט“. מיר פאָדערען ניט פון אייך קיין אָפפער, דאָס איז פאר אייך זעהר לייכט צו טהאָן. עס איז אייער „זשורנאל“, עס איז אייער „צוקונפט“. איהר קענט דיא „צוקונפט“ דערמיט זעהר פיעל העלפען. טהוט אייער פפליכט!

מיט סאָציאליסטישען גרוס,

דיא צוקונפט פרעס־פעדעריישאָן.

די צוקונפט

No. 8 (32) AUGUST 1904 Volume III

# דר. טהעאָדאָר הערצעל

גלענצענד און שנעל וויא א בליץ האָט דר. הערצעל דורכגעשניטען דעם פינסטערן און טרויעריגען הימעל איבער דעם פערוואָגעלטען א י ד י ש ע ן פאָלק; אָבער עס איז געווען פון יענע בליצען, וואָס ווערן ניט בעגלייטעט פון א שטורם, וואָס רייכען זיך ערגעץ וויט־ווייט אין דיא הייכע הימער־אבענדען און פערשווינדען אזוי, אז מען הערט ניט דעם מינדעסטען קלאנג פון א דונער...

נאָך מיט אכט יאָהר צוריק האָט דיא וועלט גאָר ניט געוואוסט פון דיזען פעליעטאָניסט פון א וויענער צייטונג — איינער פון פיעלע, וועלכע פערלאָזען געוועהנליך דיא וועלט אָהן א נאָמען אפילו אין דער ליטעראטור — און יעצט טרויערט א וועלט נאָך זיין פריהצייטיגען טויט. יעצט ווערט ער בעקלאָגט אלס א שטערן פון האָפנונג, וואָס איז פלוצלונג פערלאָשען געוואָרען פאר דעם עם ישראל, אלס אן אונגעקרוינטער קעניג, זאָגאר אלס א „משיח“, וואָס א גרויזאַמער שיקזאל האָט אזוי אונבארמהערציג אונטערגעשניטען, וויא א הערליכע בלום, וועלכע דארף ברייננגען ערקוויקענדע פרוכטען..

אין 1895, ווען ער האָט פערעפענטליכט זיין ביכעל אונטער דעם הויכקלינגענדען נאָמען „יודענשטאאט“, האָט זיך איהם אליין ניט געחלומ’ט, אז נאָך זיין טויט וועלען זיך געפינען מענשען, וואָס וועלען ערקלערען, דאָס „זייט משה רבינו האָבען דיא אידען ניט געהאט אזא גרויסען מאן וויא ער“!... דעם נעכסטען יאָהר, ווען ער איז געקומען נאָך לאָנדאָן זוכען אנהענגער פאר זיין טרוימערישען פלאן, האָט ער אויך זיכער ניט געהאָפט, דאָס זיין שטערן וועט אויפגלאנצען אזוי וואונדערבאר שנעל, וויא ער וואָלט זיין אין דער ווירקליכקייט א משיח בן דוד....

אין 1897, נאָך דעם ערשטען קאָנגרעס פון דיא ציוניסטען אין באזעל, האָט זיין נאָמען אָפגעקלונגען אין אלע ווינקעלעך פון דער ערד, וואו עס געפינען זיך נאָר אידען. דיא וועלט, דיא גרויסע ניט־אידישע וועלט, איז אויך דאן געוואָהר געוואָרען, אז עס איז עפּעס דאָ א דר. הערצל, וואָס וויל פיהרען דיא אידען אין ארץ ישראל, וואָס וויל, אז דער „לשנה הבאה בירושלים“ זאָל ניט נאָר בלייבען אויף’ן פּאַפּיער אין דיא אלטע תפילות, נאָר זאָל טאקי אויסגעפיהרט ווערען אין דער ווירקליכקייט. און זייט דיזען יאָהר איז זיין שם אין דער וועלט אלץ גרעסער געוואָרען, זיין שטערן האָט אלץ העלער געגלאנצט, זיין פאנטאסטישער פלאן האָט געקראָגען אלץ מעהר אנהענגער אפילו אין אזעלכע לענדער, וואו דיא אידען האָבען פאָלשטענדיגע פּאָליטישע גלייכהייט און האָבען זיך אזוי ווייניג געקימערט וועגען זייער ביבלישע היימאטה, וויא וועגען דיא רויטע אידלעך הינטער דעם סמבטיון. מיט יעדען ווייטערן יאָהר, טראָטץ דעם וואָס די גרויזאמע ווירקליכקייט האָט בעוויעזען דיא לעכערליכקייט פון זיינע האָפנונגען אויף דעם איינגעבילדעטען „טשארטער“ פון טערקישען סולטאן

— שוין ניט רעדענדיג דערפון, דאס פון אזא בלוטיגען טיראן צו ערווארטען דיא גאולה איז איבערהויפט א שאנדע און א'ן אונזינן—טראץ דעם, וואס ביי יעדען נייען קאנגרעס האט מען איבערגעניצעוועט דיא אלטע פראזען און בע־פוצט דיא אלטע יענטע מיט א נייעם שלייער, אפילו טראץ דעם, וואס מען האט זיך שליעסליך געמוזט אנכאפען אן אוגאנדא, דיא „אפריקא־נער פאלעסטינא", אום צו רעטען אויף א ווײלע די גאנצע ציוניסטישע בעוועגונג פון א זיכערען אונטערגאנג — ניט אכטענדיג אויף דאס אלעס, איז הערצל אלץ מעהר פערעהרט געווארען, אלץ מעהר בעטראכטעט געווארען אלס דער צוקינפ־טיגער רעטער פון אידישען פאלק, מיט איין ווארט, ער איז געווארען אזוי וויא דאס „הארץ" פון דעם אי־דישען גוף.



ד״ר. טהעאדאר הערצל

יעצט ווערט זיין פריה־צייטיגער טויט בעווײנט ניט בלויז פון דיא ציוניס־טען אליין, וועלכע טרויערן אזוי וויא זיי וואלטען ווירק־ליך פערלארען זייער משיח און אזוי וויא מיט איהם צו־זאמען וואלט דער ציוניז־מוס בעגראבען געווארען אין קבר. אמת, דיא ציוניס־טען שרייען: „אונזער פיה־רער, אונזער רעטער איז טויט, אבער אונזער בעווע־גונג וועט לעבען און נאך בליהען", — נאר מען פיהלט דערביי, אז דאס איז נאר געזאגט, אום זיך צו טרייסטען און אז ביי זיך אין הארצען זיינען זיי גאר ניט אזוי זיכער אין דער בליהענדער צוקונפט פון זייער פאנטאסטישען אידעאל אהן זייער פער־געטערטען פיהרער.

אין דיא ארטהאדאקסישע סינאגאגען האט מען אויסגעדריקט דעם טרויער וועגען הערצל'ס טויט מיט אל מלא רחמים'ס און הספדים, אזוי וויא ער וואלט געווען א גרויסער צדיק, א גאון'ישער רב. ציוניסטען, ניט־ציוניסטען — אלע טרויערן ווירקליך מיט'ן גאנצען הארצען, אלע מיינען עס טאקע אויפריכטיג. דער היינ־טיגער שבת חזון וועט פאר א סך אידען זיין א דאפעלטער טרויער. דיא ציוניסטען פערלאנגען נאך, אז דעם גאנצען מאנאט אב זאל מען טרויערן וועגען דעם טויט פון זייער פיהרער. ווען ער וואלט געשטארבען מיט 17 טעג שפע־טער, וואלט עס גראדע געווען תשעה באב, און דיא ציוניסטען וואלטען דאן נאך ערקלערט, אז דאס איז דער דריטער חורבן....

קורץ, וואו עס האט נאר געשלאגען א אידייש הארץ, האט זיך דארט דערלאנגט א שטאך ביי דער טרויעריגער בשורה, דאס דר. הערצל איז געשטארבען פון א הארץ־קראנקהייט דעם 3טען יולי צו 44 יאהר.

* * *

אבער מיט וואס זאל מען ערקלעהרען דיא בליץ־שטראהלענדע קאריע־רע פון דיזען מאן? ווארום האט ער געפאנגען די הער־צער פון כל ישראל, קען מען זאגען, מיט איין קלאפ? ווארום איז ער איינפאך פערגעטערט געווארען פון אלע ציוניסטען? אין וואס איז בעשטאנען זיין קראפט? מיט וואס האט ער זיך אויסגעצייכענט? וואס האט ער אויפגעטהאן?

לאמיר פערווארפען אלע ברילען און ווארפען א בליק אויף זיין לעבען מיט קרי־טישע אויגען.

אין זיין יוגענד האט מיט איהם גאר ניט בעזאנ־דערס פאסירט. ער האט געלעבט און שטודירט, וויא טויזענדע אנדערע אידישע אינגלאך פון זיין שטאנד אין זיין געבורטס־שטאדט בודאפעסט. זיין פאטער איז געווען א רייכער קויפמאן און האט געוואלט איהם ערציהען אלס קויפמאן. נאר הערצל האט געהאט ניי־גונגען צו וואס מען רופט א ליבעראלע קאריערע און בעזאנדערס צו ווערען א שרייבער. דאס איז א געוועהנליכע זאך, אזעלכע נייגונגען האבען דיא מייסטע אידישע קינדער, וואס קריגען א'ן אייראפעאישע בילדונג. ווען ער האט געענדיגט דאס גימנאזיום, איז ער געווארען א סטודענט אין דעם יוריסטישען פאקולטעט פון וויענער אוניווערזיטעט. ער האט דורכגעמאכט דעם אוניווערזיטעט און געקראגען דעם טיטול דאק־

טאַר פילאָזאָפיע אָהן אויסצייכנונגען; נאָר מיט אדוואָקאטור האָט ער זיך גאַנץ ווענינ בעשעפטיגט, דען איהם האָט געצויגען צו דער פעדער, צו ווערען א זשורנאַליסט. דאָס איז איהם ניט שווער אָנגעקומען אויסצופיהרען, דען וועגען מאַכען א לעבען האָט ער ניט געהאט פיעל צו זאָרגען אלס א זוהן פון א רייכען פאטער. ער האָט אלזאָ גענאָסען א'ן אוניווערזיטעטס־בילדונג אין איינע פון דיא גרעסטע הויפּשטעדט אין אייראָפּא און האָט געהאט דיא מעגליכקייט פריי צו שטודירען און פיעל צו לעזען; אבער ער האָט קיינע בעזאָנדערע קענטניסע און פעהיגקייטען אלץ ניט ארויסגעוויזען.

א קורצע צייט איז ער געווען דער פּאריזער קאָררעספּאָנדענט פון דער וויענער „נייע פּרייע פּרעססע" און נאכהער איז ער געוואָרען איינער פון איהרע שטענדיגע מיטארבייטער. צו דער צייט האָט ער געשריעבען פעליטאָנען, ניט ערגער און אויך ניט בעסער פאר אנדערע אין זיין פאך, און האָט אויך אָנגעשריעבען נאָוועלען און קאָמעדיען, פון וועלכע גאַנץ וועניג מענשען וואָלטען עפּעס געוואוסט, ווען ער וואָלט זיך ניט א לאָז געטהאָן אויף א גאַנץ אנדערן וועג. דיא ציוניסטען דערצעהלען, אז ער האָט זיך פערשאפט א נאָמען מיט זיינע קאָמעדיעס, דען איינע אָדער צווייא האָבען דערלעבט צו זעהען דיא ביהנע; אָבער אז זיינע ווערק האָבען קיין בעזאָנדערען ליטעראַרישען ווערטה ניט געהאט, צייגט דער פאקט, דאָס דער עולם, אפילו דיא מייסטע ציוניסטען זעלבסט, ווייסען זאָגאר יעצט ניט פון דיא נעמען פון דיזע ווערק...

עס איז יעדענפאלס זיכער, אז מיט דיזע ווערק האָט ער זיך אין דער ליטעראַרישער וועלט אפילו א הונדערטען טהייל ניט אויסגעצייכענט, וויא זיין ציוניסטישער פליגעל־אדיוטאנט ד״ר מאקס נאָרדוי מיט זיינע „קאָנווענציאָנעלע ליגען". ווען מען זאָל שרייבען אפילו א קורצע ביאָגראפיע פון דר. מאקס נאָרדוי, מוז מען דערמאָנען זיינע הויפּט־ווערק מיט ז י י ע ר ע נ ע מ ע ן,—דאָס נעמליכע איז אויך וועגען זאנגוויל'ן. וועהרענד וועגען דר. הערצל זאָגען אלץ דיא ציוניסטען סתם, אז „ער האָט געשריעבען ביכער און קאָמעדיעס".

איך בין זיך מודה ומתודה, אז פון דר. הערצל'ס פריהערע ווערק האָב איך אפילו גאָר ניט געהערט און אז פון אלעס, וואָס איז ארויס פון זיין פעדער, האָב איך נאָר געלעזען א פעליעטאָן איבער דער קעניגנוועער הריגה און זיין לעצטען ראָמאַן „אלט־ניילאנד", וואָס דיא ציוניסטען האָבען פּאנאנדערגעפּויקט אלס א מייסטערווערק, אלס א'ן ענטפּלעקונג. נון, דער פעליעטאָן איז ווירקליך א גוטער, זעהר שעהן און עלעגאנט געשריעבען; אָבער גאָר ניט בעסער וויא הונדערטע אנדערע האָבען געשריעבען; און וואָס אנבעלאנגט צו זיין „אלט־ניילאנד, זאָ מוז יעדער אונפּארטייאישער לעזער צוגעבען, אז דאָס איז א זעהר שוואכע ווערק אין אלע הינזיכטען.

בשעת איך האָב עס געלעזען, האָב איך זיך איינפאך גערוואונדערט וויא אזוי א מאַן מיט אזא גרויסע רעפּוטאציאָן האָט זיך ניט געשעהמט אָנצושרייבען אזא קינדערשע אוטאָפּיע. אלס א בעלעטריסטישעס ווערק איז עס אבסאָלוט ווערטלאָז און, מיט אויסנאהמע פון דעם ערשטען פעליעטאָנמעסיגען קאפּיטעל, אָהן א ברעקעל טאלענט; אלס פאנטאזיע איז עס פּלאך און שוואך; אלס אוטאָפּישער פּלאַן גרונדפאלש און לעכערליך, צייגענדיג דערביי דיא קנאַפּע סאָציאל־פּאָליטישע קענטניסע פון דעם פערפאסער. קיין ברעקעל אָריגינאליטעט אין דעם גאנצען בוך, וועלכער איז טויט־לאַנגוויילינ.

איבריגענס, דיא פערשטענדיגע ציוניסטען זעלבסט גיבען צו אין געשפּרעכען וועגען „אלט־ניילאנד", וואָס האָט געזאָלט זיין א'ן ענטפּלעקונג וויא צו אָרגאניזירען דיא נייע אידישע מלוכה אין פּאלעסטינע, א מין ציוניסטישע ביבעל, אז דאָס איז עפּעס א קינדערשע זאך, אז עס פעהלט זאלץ און פעפער אין דיזען „ווערק".

ווען מיר זאָלען צורעכענען זיין בעריהמט־געוואָרענעם ביכעל „דער יודענשטאאט", וועלען מיר האָבען דעם קורצען סך הכל פון זיינע אויפטהוואונגען אלס ליטעראט, דאָס הייסט אלזאָ, אין זיין געליעבטען פאך, אין זיין פּראָפעסיאָן. וואָס פאר א הויכע מיינונג מען זאָל ניט האָבען פון זיין פערזענליכקייט, נאָר דאָס מוז מען צוגעבען, אז אזא סך הכל קענען בעווייזען טויזענדע שרייבערס, וואָס אפילו זייערע נעמען בלייבען פערגעסען.

וויסענשאפטליכע אָדער פילאָזאָפישע ווערק האָט ער קיין מאָל גאָר ניט פּרעטענדירט צו שרייבען, זאָ דאָס צו זיין קרעדיט אלס „דער גרעסטער איד זייט אידען זיינען אין גלות". וויא פערבלענדעטע ציוניסטען אָהן קעפּ האָבען זיך אויסגעדריקט, בלייבט טאקע קיין אנדער זאך אויסער זיין טהעטיגקייט אויף דעם פאנטאסטי־

שען פעלד פון זאָ־גענאנטען „פּאָליטישען ציוניזמוס“.

אָבער אויך דאָ דארף מען זוכען מיט ליכט עפּעס אָריגינעלעס אין דיזער זיינער געוואלדיג פּערישריענער טהעטיגקייט.

ערשטענס, האָט עקזיסטירט א פּיל־פּראקטישערע ציוניסטישע בעוועגונג, וויא יעצט, איידער דר. הערצל איז ארויס מיט זיין „יודענשטאאט“ און „טשארטער“. איך מיין דאָ דיא פּאלעסטינאָפילסטוואָ פון דיא אכציגער יאָהרען, דיא חובבי ציון און איבערהויפּט דיא שטרעבונגען און פּערזוכען ווירקליך צו קאָלאָניזירען ארץ ישראל מיט אידישע ארבייטער, ניט צו בויען לופטשלעסער מיט פּענסטער פון דיפּלאָמאטישע שפּינגעוועבס אזש ביז אוגאנדא... צווייטענס, איז נאָך מיט א יאָהר צוואנציג צוריק ערשיענען דר. פּינסקי'ס „אָטאָעמאנסיפּאציאָן (זעלבסט־בעפרייאונג)“, מיט וועלכער דר. הערצל האָט זיך בענוצט אין זיין „יודענשטאאט“. דריטענס, איז דער גאנצער פּלאן וועגען אָבקויפען אָדער אָבדינגען ארץ ישראל ביי דעם טערקישען סולטאן א גאנץ אלטער, און ניט וועניג אידען האָבען וועגען דעם געטרוימט לאנג, לאנג פאר דר. הערצעל'ס „טשארטער“.

ווען מען רעדט מיט דיא „פּאָליטישע“ ציוניסטען, קען מען הערען, אז דר. הערצל איז געקומען צו „זיין פּלאן“ עפּעס אזוי וויא דורך א'ן ענטפּלעקונג. ביז מיט א צעהן יאָהר צוריק האָט ער זיך געלעבט גאנץ רוהיג און געמיטהליך וויא א בורזשואזער זשורנאליסט, נאָר מיט א מאָל, הייסט עס, האָט ער זיך ארומגעזעהען, אז ער האָט אויך א אידישען נאָז און אז דיא אנטיסעמיטען מאכען אָן גרויסענע צרות פּיעלע אידען, זיינע אָרימע ברידער, און דאן איז עס אויף איהם ארויף דיא שכינה, און ער איז געוואָרען א נייער נביא בישראל, דער פּראָפעט פון „יודענשטאאט“ מיט א טערקישע הסכמה. אָבער אין דער ווירקליכקייט האָט ער גאנץ גוט „געוואוסט פון וואנען ער שטאמט“ און האָט עס זעהר עמפּפינדליך געפיהלט, ווען ער איז געווען א אינגעל. איינמאָל, ווען ער איז נאָך געזעסען אויף דער שולבאנק, האָט א לעהרער אריינגערעבענט מאָהאמעדאנער און אידען צווישען געצענדיענערס. דאָס האָט דעם יונגען הערצל אזוי פּערדראָסען, אז ער האָט פערלאָזען דיזע שולע. א'ן אנדערס מאָל האָט עס געטראָפען, אז דיא סטודענטען־קאָרפּאָראציאָן, פון וועלכער ער איז געווען א מיטגליעד, האָט בעשלאָסען מעהר ניט אויפצונעהמען נייע אידיישע סטודענטען, נאָר דיא אלטע זאָלען בלייבען, און ער האָט דאן דאָרטען איין מינוט ניט געוואָלט פערבלייבען. דאָס אליין איז א גענייגענדער בעווייז, אז ער איז שטענדיג געווען א איד מיט'ן הארצען און האָט זיך דארום אויך געמוזט אינטערעסירען מיט דער אידישער פראגע פון איין זייט און מיט דער אנטיסעמיטישער בעוועגונג פון דער אנדערער זייט. דאָס הייסט אויך, אז ער האָט געוואוסט פון דיא חובבי ציון, פון דיא אידישע קאָלאָניעס אין פּאלעסטינא, פון דר. פּינסקי'ס „אָטאָעמאנסיפּאציאָן“, א. ז. וו. און אז ער איז גאָר ניט געוואָרען פור־פּלאט א פּאָרקעמפּפער פאר ציון. דארום קען מען אויך גלויבען, אז ער איז ווירקליך געווען אויפריכטיג, וועניגסטענס אין אָנפאנג, ווען ער איז ארויסגעטראָטען אין דער שווערער ראָלע, וועלכע ער האָט, מען מוז עס צוגעבען, מייסטערהאפט דורכגעפיהרט.

קוקענדיג אויף זיין געזונטע און אימפּאָזאנטע פיגור מיט א קאלטען געזיכט, מיט א געזיכט פון א'ן אסירישען קעניג, וויא זאנגוויל האָט זיך אויסגעדריקט (דערמאָנענדיג זיך אָן דיא סטאטועען פון אשור אין בריטישען מוזעאום) און בעטראכטענדיג דעם פּראקטיש־גרונדלאָזען און איינפאך פאנטאסטישען כאראקטער פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, וועלכע ער האָט אָנגעפיהרט מיט א'ן אייזערנע האנד, האָבען פילע געדענקט — איך מוז געשטעהען, אז איך בין געווען איינער פון דיזע פיעלע — אז ער מיינט עס גאָר ניט אזוי ערנסט וויא ער שטעלט זיך ארויס, אז ער וויל שפּיעלען דיא ראָלע פון א פּאָלקס־פיהרער און בעפריעדיגען זיין אמביציאָן, וועלכע האָט ניט געפונען קיין בעפריעדיגענדען אויסוועג אנדערסוואו, אפילו ניט אין דער ליטעראטור, וועלכע ער האָט זיך אויסגעקליבען אלס זיין קאריערע, ווען ער איז נאָך געווען א סטודענט, וויא מיר האָבען דאָס געזעהען. אָבער יעצט, וואָס מעהר איך דענק נאָך וועגען זיין פּערזאָן און טהעטיגקייט אין דיא לעצטע יאָהרען, שיינט עס מיר אלץ דייטליכער, אז ער איז געווען א'ן אויפריכטיגער מאן, טראָטץ זיינע דיפּלאָמאטישע דריידלעך און פיהרונגען. ניט אלע דיפּלאָמאטען זיינען איבערהויפּט אזעלכע מענשען וואָס „דער צונג איז זיי געגעבען געוואָרען צו בעהאלטען דיא געדאנקען“, וויא דער שלויער טאלעיראן, דער געניאלער פראנצויזישער דיפּלאָמאט, האָט זיך אויסגעדריקט; עס זיינען דאָ

אזעלכע, וואָס האָבען זייערע פעסטע איבערצייגונגען און יעדענפאלס א צ י ע ל אין זייער טהעטיגקייט, א ציעל, וועלכער איז זייער וועגוויזער, פון וועלכען זיי טרעטען ניט אָפּ אין לעבען און וועלכען זיי זוכען דורכצופיהרען, ניט אָבשטעלענדיג זיך פאר קיינע פאלשקייטען, געמיינהייטען און פערברעכען. רישעליע, לאָרד פּיטט, קאוואור, ביסמארק האָבען געהערט צו אזעלכע דיפּלאָמאטען.

יעדענפאלס, וואָס מען זאָל ניט דענקען וועגען דיא אויפריכטיגקייט פון דר. הערצל, נור זיכער איז עס, אז דיא גרויסע מאיאָריטעט פון דיא ציוניסטען האָבען אין דעם ניט געצווייפעלט און האָבען איהם דארום בלינד געגלויבט, געגלויבט אפילו דאן, ווען עס איז קלאָר געוועזן, דאָס ער זוכט זיך נור ארויסצודרעהען מיט דיפּלאָמאטישע פראזען און מיט דונקעלע פערשפּרעכונגען אין זיינע בעריכטען אויף דיא קאָנגרעסען. נאָר מיט אויפריכטיגקייט אליין ווערט מען נאָך ניט א פיהרער, — אין דער ציוניסטישער בעוועגונג זיינען נאָך דאָ גענוג אנדערע אויפריכטיגע פאָרשטעהער, צום ביישפּיעל, אזא ווירקליך געלערנטער מאן און אנערקענטער ספּעציאליסט אין זיין פאך, וויא פּראָפעסאָר מאנדעלשטאם.

וואָס־זשע האָט דאָך געמאכט דעם געוועהנליכען דייטשען זשורנאליסט פאר א׳ן אויסערגעוועהנליכען אָנפיהרער, פאר א זעלטענע פיגור אין דער אידישער געשיכטע?

עס איז זעהר שווער צו געבען א דירעקטע אנטוואָרט אויף דיזע פראגע, דען דיא אורזאכען פון זיין מערקווירדיגען איינפלוס, פון דער בעגייסטערונג, וועלכע ער האָט ארויסגערופען אין דיא ציוניסטישע קרייזען, זיינען פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש ע. עס קען קיין צווייפעל ניט זיין, אז ער האָט בעזעסען דיא אייגענשאפטען, וועלכע מאכען איינעם פאר א׳ן אנפיהרער, פאר א קאָמאנדיר אונטער געוויסע אומשטענדען. ער איז געוועזן, וויא מען זאָגט, א געבאָרענער פיהרער און דערצו נאָך האָט ער אויך געטראָפען אין ריכטיגען פּונקט און אין דער געאייגנעטער צייט. דיא געשיכטע צייגט אונז, דאָס ביי יעדען אויפשטאנד, ביי יעדער רעוואָלוציאָן און איבערהויפּט ביי יעדער פאָלקס־בעוועגונג טרעטען ארויס צום פראָנט און פערנעהמען דעם ערשטען פּלאַץ אזעלכע פערזאָנען, וואָס זיינען פריהער געוועזן גאנץ אונבעקאנט און וואָס וואָלטען זיך מיט גאָר ניט אויסגעצייכענט אונטער געוועהנליכע אומשטענדען. דער שטראָם פון דער בעוועגונג הייבט זיי ארויף און שלעפּט זיי אלץ פאָראויס אזוי שטארק, אז זיי קענען זיך ניט אָפּשטעלען, ווען זיי זאָלען עס ווילען. זעהענדיג זיי אלץ אין דיא ערשטע רייהען, מיינט מען, אז זיי זיינען ניט נאָר דיא אָנפיהרער, זאָנדערן אויך דיא ארויסרופערס, דיא שעפּפערס פון דער בעוועגונג, וועהרענד אין דער ווירקליכקייט זיינען זיי נאָר איהרע אינסטרומענטען, אָפט איינפאך איהרע שפּיעלצייג. וואָס וואָלט, צום ביישפּיעל, געוואָרען פון א מאראט, א ראָבעספּיער אָהן דיא פראנצויזישע רעוואָלוציאָן? איינער וואָלט געוויס געענדיגט זיינע יאָהרען אלס אָרימער דאָקטאָר, דער אנדערער — אלס געוועהנליכער אדוואָקאט. אָהן דיא אמעריקאנער רעוואָלוציאָן וואָלט אזא מיטעלמעסיגער מענש, וויא דזשאָרדזש וואשינגטאָן איז געוועזן, וואהרשיינליך געבליעבען א פּלאנטאטאָר און פעלדמעססטער.

אזוי איז עס אויך געוועזן מיט דר. הערצל. ער האָט ניט געשאפען דיא ציוניסטישע בעוועגונג — זיא האָט עקזיסטירט פאר איהם. ער איז צוגעטראָטען צו איהר אין דעם מאָמענט, ווען זיא האָט געזוכט א נייע ווענדונג, א ברייטען וועג, ווען דיא חובבי ציון האָבען פערלאָרען דעם מוטה דורך דיא קלעגליכע רעזולטאטען פון דער קאָלאָניזאציאָן אין ארץ ישראל, ווען דער וועג דורך קאָלאָניעס האָט זיך ארויסגעוויזען אלס זעהר א שווערער און לאנגזאמער, אפילו אונטער דיא בעסטע אומשטענדען, ווען דיא טערקישע רעגיערונג האָט אפילו ניט געוואָלט אריינלאָזען אידישע קאָלאָניסטען און, שליעסליך, ווען דער געדאנק וועגען א נ א צ י אָ נ א ל־פּ אָ ל י ט י ש ע אידישע בעוועגונג האָט זיך אָנגעפאנגען צו פערשפּרייטען, ספּעציעל נאָך דר. פינסקי׳ס „אָטאָעמאנסיפּאציאָן“. שארפער, אָפּענער און ענערגישער פון אלע אנדערע דאמאָלסדיגע ציוניסטען האָט דר. הערצל אויסגעדריקט דיזע נייע שטרעבונגען, דיזע נייע ווענדונג, און דארום האָט ער אזוי שנעל געפונען הייסע אנהענגער און איז אויך באלד געוואָרען דער ריכטיגער מאן אויף דעם ריכטיגען פּלאַץ.

ווען ער איז אין 1895 געקומען נאָך לאָנדאָן וועגען זיין „יודענשטאאט“, האָט ער זיך צוערשט געווענדעט צו דיא רייכע ענגלישע אידען, צו וועלכע ער האָט געקענט צוקומען דורך זיינע פערבינדונגען מיט דער וויענער „נייע פרייע פּרעססע“. דיזע פערבינדונגען און זיין בע־

קאנטשאפט אלס זשורנאליסט מיט דער הויכער פּאָליטיק און מיט פּאָליטיקער האָבען איהם איבערהויפּט זעהר פיעל מיטגעהאָלפען אין זיין אייגענער דיפּלאָמאַטישער ראָלע אלס, זאָ צו זאגען, ציוניסטישער אמבאסאדאָר ביים סולטאן. נאָר ביי דיא רייכע ענגלישע יהודים האָט ער נאטירליך קיין ברעקעל סימפּאטהיע ניט געפונען. דער פאקט, אז ער האָט גערעדנט, דאָס זיי וועלען איהם העלפען אויסצופיהרען זיין טרוים, צייגט נאָר, אז ער איז געווען א׳ן אוטאָפּיסט, אזוי וויא, צום ביישפיעל, ראָבערט אָוען, וועלכער האָט זיך געווענדעט צוערשט צו דיא רייכע, אז זיי זאָלען איהם העלפען אויספיהרען זיינע פּלע־נער צו פערבעסערען דיא לאגע פון דיא אר־בייטער.

א סימפּאטישען אָבקלאנג האָט ער נור געפו־נען ביי דיא לאָנדאָנער בני ציון און ביי דיא אָרימע אידען אין ווהייטשעפּעל, און דאָס זעלבע איז געווען אין אנדערע שטעדט, זאָ דאָס דעם נעכסטען יאָהר האָט שוין געקענט שטאטטפינדען א ציוניסטישער קאָנגרעס, דער ערשטער קאָנ־גרעס אין באזעל.

דאָרט איז פאָרמולירט געוואָרען דער פּאָלי־טישער ציוניזמוס, וויא דר. הערצל האָט עס גע־וואונשען, און דאָרטען האָט דער פערפאסער פון „יודענשטאאט" געצייגט, אז ער איז א בעסערער רעדנער וויא א שרייבער און א בעסערער אָרגא־ניזאטאָר וויא א רעדנער. דאָרטען האָבען זיך אויך ארויסגעוויזען אין פולער קראפט דיא פע־היגקייטען זיינע צו בעהערישען מענשען, פעהיג־קייטען, וועלכע ער האָט מעהר וויא אלעס אנדע־רעס צו פערדאנקען זיין ראָלע אלס מאָדערנער משיח.

וויטער איז שוין געגאנגען אלץ לייכטער,— יעדער אָנפאנג איז שווער — און דיא ציוניסטען, וועלכע האָבען געזעהען, אז זייער צאָהל פער־מעהרט זיך זעהר שנעל אונטער דעם פערבלענ־דענדען איינדרוק פון דיא ערשטע קאָנגרעסען און פון דיא קינדערישע האָפנונגען אויף א געהיימ־ניספולען „טשארטער", האָבען אלעס איהם צו־געשריעבען און האָבען אויף איהם גענומען קוקען עפּעס וויא אויף א געטליכען מאן, א בעשערטען ערלייזער.

מיר איז אויסגעקומען צו זעהען סצענען פון, קען איך זאָגען, אמת׳ן געצענדיענסט צו דיזען ניי־געבאקענעם משיח. דאס איז געווען אין דער צייט פון דעם ציוניסטישען קאָנגרעס אין לאָנדאָן, אין 1900, אין דער צייט, ווען זיין שטערן האָט געגלאנצט אם שטארקסטען און ווען דיא ציוניסטישע פערבלענדענים איז אויך געווען אם שטארקסטען. דיא בעגייסטערונג, וועלכע ער האָט ארויסגערופען אויף דער אונטערהאלטונג אין רידזשענטס פארק, וואָס סער פראנסיס מאָנ־טעפיאָרע האָט געגעבען לכבוד דיא דעלעגאטען צו דיזען קאָנגרעס, איז געווען אונבעשרייבליך. מיר שיינט, אז ווען דער לעגענדארישער משיח וואָלט זיך בעוויזען צו פיהרען דיא אידען נאָך ארץ ישראל, וואָלט ער ניט אויפגענומען געוואָ־רען מיט גרעסערע התלהבות און יובעל־געשרייען וויא דר. הערצל אויף דיזער ענגלישער טהי־פּארטי. אלע האָבען זיך געשטופּט ארום איהם מיט צופלאמטע פּנים׳ער, מיט טרערען פון בע־גייסטערונג אין. דיא אויגען, און דיא לופט איז פערהילכט געוואָרען פון ציוניסטישע ליעדער. עס האָט אויסגעוויזען, אזוי וויא מען קלייבט זיך אין וועג נאָך ירושלים... אָרימע ציוניסטען!

און אויך אויף דיא זיצונגען פון לאָנדאָנער קאָנגרעס איז נענוג געווען זיינער א מאך מיט דער האנד, אז אלע זאָלען איינהאלטען דעם אטהעם. זיין בליק איז געווען א בעפעהל, זיין וואָרט — געזעץ. מען האָט איהם געקוקט אין דיא אויגען, מען האָט אונטערגעכאפּט זיין מינ־דעסטע בעוועגונג, טאָמער וועט מען עפּעס דער־געהן פון דיא „סודות" וועגען דעם „טשארטער", וועלכע ער האָט אזוי קונציג געהאלטען מיט די־פּלאָמאטישע האלבע ווערטער ביז דעם לעצטען באזעלער קאָנגרעס, ווען דער ציוניסטישער בארג האָט געבוירען א׳ן אוגאנדא־מויז, — אָבער אומזאָנסט! זיין געזיכט איז געווען אזוי קאלט און שטרענג, טאקע אזוי וויא א סטאטוע פון א׳ן אסירישען קעניג.

יא, ער האָט פערשטאנען וויא זיך צו האל־טען, אז מען זאָל איהם פערעהרען און אין דער־זעלבער צייט מורא האָבען פאר איהם, ער האָט געוואוסט, וויא צו פיהרען, צו בעהערשען און צו האלטען דיא לייצעס אין זיינע הענד. דיא ציוניסטען האָבען זיך וועניג געקימערט וועגען זיינע שריפטען; זיי האָבען ניט געפרעגט, וואָס ער קען און וואָס ער קען ניט, צו וואָס ער טויג און צו וואָס ער טויג ניט, זיי האָבען נאָר בלינד געהאָפט, אז דורך איהם, בלויז דורך איהם וועט ערפילט ווערען זייער טרוים, אז ער, נאָר ער און קיין אנדערער, וועט ברענגען דיא ערוואר־טעטע גאולה דורך דעם סולטאן׳ס טשארטער. דאָס איז געווען דער מאגישער לאָמפּ פון זיין

גראָיסקייט, דער בעקרעט פון זיין קורצער משיח־ראָלע.

איינענטליך קען מען איהם פערגלייכען מיט א מערקווירדיגער פּערזאָן אין דער אמעריקאנישער פּאָליטישער וועלט, מיט דעם געוועזענעם פּרעזידענט־קאנדידאט פון דער דעמאָקראטישער פּארטיי — ב ר י י ע ן. אין דער זעלבער צייט זיינען ביידע פּלוצלונג בעריהמט געוואָרען. ביז 1896 האט קיינער ניט געוואוסט פון דעם נעבראסקא׳ר קעמפּפער געגען „גאָלדענעם קרייץ״ אויסער דיא פּאָליטיקער פון זיין שטאאט; אבער ער איז דאן געווען דער ריכטיגער מאן אויף דעם ריכטיגען פּלאטץ און האט אם בעסטען פאָרגעשטעלט דיא דאמאָלסדיגע פאָרדערונגען פון א גרויסען טהייל פון אמעריקאנער פאָלק וועגען טראָכטס און ספּעציעל וועגען בימעטאליזמוס. דער פערלאנג, אז דער ווערטה פון זילבער זאָל בעשטימט ווערען דורך א בעשלוס פון קאָנגרעס העכער וויא דער ווירקליכער פּרייז און אז יעדער זאָל קענען אומוואנדלען זיין זילבער אין זילבערנע דאָלארס, וואָס זיינען אין דער ווירקליכקייט ניט ווערטה אפילו 50 סענט — דיא זאָגענאנטע „פרייע זילבער געלד מאכעריי״ — איז געווען געגען אלע עקאָנאָמישע געזעצע פון דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט. דאָס איז געווען א פערבלענדעניס, וועלכע איז אזוי פערשוואונדען אונטער דעם העלען שיין פון פּראקטישען לעבען, דאָס קיינער וויל שוין יעצט דערפון ניט הערען. נאָר מיט 8 יאָהר צוריק האָט, קען מען זאָגען, דיא מאיאָריטעט פון אמעריקאנער פאָלק בעטראכט דיזען אונזין אלס א מין גאולה, אלס א מיטעל צו ברעכען דיא מאכט פון דיא טראָסטס און גרויסע פינאנסיסטען און צו פערבעסערען דיא לאגע פון דיא פארמערס און קליינע הענדלער; און ברייען איז דארום געווען דער העלד פון דעם זילבער־שווערד געגען דעם „גאָלדענעם קרייץ״, א מין משיח אויף א זילבערנעם פערדיל.

דיא גאנצע וועלט האט געקלונגען מיט איהם, און אין אלע לענדער האט מען מיט גרויס אינטערעס נאכגעפאָלגט דעם מערקווירדיגען פּארטיי־קאמפּף, וועלכער איז דאמאלס געפיהרט געוואָרען אין אמעריקא. קיינעם האט זיך ניט געחלומ׳ט, אז אזא יונגער און אונבעקאנטער דעלעגאט פון א׳ן אונבעדייטענדען וועסטליכען שטאאט זאל נאָמינירט ווערען אלס קאנדידאט פיר פּרעזידענט; אבער דאָס איז געשעהן אין איין הייסער מינוט, נאכדעם וויא ער האט גענומען דיא דעמאָקראטישע קאָנווענציאָן מיט איין שטורמדיגע רעדע.

זייט דאן שפּיעלט ער דיא גרעסטע ראָלע אין דער דעמאָקראטישער פּארטיי און האט נאָך מאסען בעגייסטערטע אנהענגער, טראָטץ דעם וואָס ער איז ניט נאָר דורכגעפאלען צוויי מאָל ביי דער פּרעזידענט־וואהל, זאָנדערן האט זיך געמוזט אָבטרייסלען פון זיין זילבער־גאולה. פון דעם וואָס עס האט איהם אזוי גרויס געמאכט. וועגען איהם קען מען יעצט זאָגען, אז ער האט זיך זעלבסט איבערגעלעבט; אָבער וויא לאנג צוריק האט מען זיך געבוקט פאר איהם, וויא לאנג צוריק האָבען גרויסע מאסען פון אמעריקאנער פאָלק איהם איינפאך פערגעטערט, און וויא פיעל האט עס געפעהלט, אז ער זאָל ווערען פּרעזידענט און פאקטיש דער דיקטאטאָר פון דער גרויסער אמעריקאנער רעפּובליק?

ברייען׳ס טריאומף־מארש איבער דיא פעראייניגטע שטאאטען און זיין שנעלער דורכפאל דערמאָנען אָן דיא וועללען פון א שטורמדיגען ים. פּלוצלונג איז ער ארויפגעשוואומען פון אויבען און באלד איז ער ארונטערגעשלעפּט געוואָרען אונטען און צוגעשלאָגען געוואָרען צו א וויסטען ברעג מיט הויכע בערג, אויף וועלכע ער האט שוין ניט געקענט ארויפקלעטערן.

דאָס זעלבע, נאָר אין א קלענערער מאָס נאָטירליך, קען מען אויך זאָגען וועגען דר. הערצל׳ס קאריערע אין דיא לעצטע אכט יאָהר. ער האט אויך אָנגעפאנגען זיך זעלבסט איבערצולעבען אויף דעם לעצטען ציוניסטישען קאָנגרעס, וועלכער האט זיך אָבגעקינדעלט מיט אוגאנדא... ווען ער וואָלט געלעבט, וואָלט ער זיכער דערלעבט צו זעהען דעם פאָלשטענדיגען דורכפאל פון דעם פּאָליטישען ציוניזמוס, וועלכען ער האט פאָרגעשטעלט. ער וואָלט דאן געבליבען פּאָליטיש טויט, מען וואָלט איהם נאָך אויסגעלאכט וויא א פערבלענדעטען טרוימער, און יעדענפאלס וואָלט מען זיין נאטירליכען טויט ניט בעקלאָגט אזוי וויא יעצט, ווען דיא ציוניסטישע פערבלענדעניס האלט נאָך אָן.

אין עטליכע יאָהר ארום וואָלט זיין „משיח־שטערן״ סיי וויא סיי געווען א פערלאָשענער. פיעלע דענקען יעצט, אז דיא ציוניסטישע בעוועגונג האט געקראָגען א טויט־קלאפּ דורך דר הערצל׳ס טויט. איך דענק עס ניט. אויב א בעוועגונג הענגט נאָר אָב פון דעם לעבען פון איין אנפיהרער, וויא גרויס ער זאָל ניט זיין, הייסט עס נאָר, אז דיזע בעוועגונג איז א שיינבארע.

איך דענק, אז דיא ציוניסטישע בעוועגונג וועט זיך ציהען א געוויסע צייט, ווער עס זאָל ניט זיין דער אָפיציעל־אנערקענטער פיהרער, גראדע אזוי וויא ווען דר. הערצל וואָלט געלעבט.

וואָס האָבען דען דיא ציוניסטען אזעלכעס אויפגעטהאָן אונטער דער לייטונג פון דר. הערצל, אז זיי זאָלען דאָס זעלבע ניט קענען אויפטהאָן אונטער דער לייטונג פון איינעם פון זיינע אד־יוטאנטען? מיט וואָס האָט זיך געענדיגט דער גאנצער פייערווערק פון דעם פּאָליטישען ציוניז־מוס? מיט אוגאנדא... וואָס איז געוואָרען פון דר. הערצל'ס פּערישריענער דיפּלאָמאטישער טהעטיגקייט, פון זיין טראגי־קאָמישען „טשאר־טער"? א בעלויכטענער קליינער לופט־באלאָן, וואָס זעהט אויס וויא א שטערן און טראָגט זיך מיט דעם ווינד...

דיא לעבערליכע זייט פון דעם פּאָליטישען ציוניזמוס זעהט זיך בעזאָנדערס שארף ארויס, ווען מען בעטראכט, צו וואָס ער האָט געפיהרט. דיזער ציוניזמוס שטארבט אָב און מוז אבּ־שטארבען, דען ער עקזיסטירט אין לופטען און ווערט געבויט פון איינבילדונגען. דר. הערצעל'ס טויט קען נאָר א ביסעל שנעלער ברענגען דעם נאטירליכען סוף פון דיזער בעוועגונג, וועלכע מאכט דורך א קריזיס נאָך דעם לעצטען קאנגרעס אין באזעל און וועלכע וועט מוזען אָבטרעטען פּלאטץ צו דיא יעניגע, וואָס ווילען זיך בלויז אָבגעבען צו דער קאָלאָניזאציאָנס־ארבייט אין ארץ ישראל, דאָס הייסט, מען וועט זיך מוזען אומקעהרען צום אלטען, צו דעם פּראָגראם פון דיא חובבי ציון.

אונטער דעם איינפלוס פון דר. הערצל'ס חלומות וועגען „יודענשטאאט" האָט מען אין גאנצען געלאָזען אָן א זייט די אָרימע „היימאט" זעלבסט, ישראליק'ס „ירושה"; מען האָט אפילו פערנאכלעסיגט דיא עטליכע קאָלאָניעס, וועלכע צאפּלען זיך נאָך אין גרויסע מארטערניסען, און מען האָט ארונטערגעמאכט דיא חובבי ציון — מען האָט דאָך אלץ געוואַרט אויף דעם „טשאר־טער" און אָנגעגורט דיא לענדען צו גרינדען דעם „יודענשטאאט"... צו וואָס האָט מען אלזאָ בע־דארפט זיך בעשעפטיגען מיט אזעלכע „קליינינ־קייטען", וויא א אידישע קאָלאָניע אין פּאלעס־טינע? — אבער יעצט, ווען דער זייפענבלאָז האָט געפּלאצט, וועלען זיך דיא ציוניסטען ארומזעהען, אז אלעס וואָס זיי קענען אויפטהאָן אין דער ווירקליכקייט איז נאָר צו גרינדען קאָ־לאָניעס אין ארץ ישראל. דאָס קלינגט נאטירליך ניט אזוי הויך וויא דיא פּראַ־זען וועגען א „יודענשטאאט", אָבער דאָס הייסט כאָטש עפּעס טהאָן.

דער רעזולטאט פון דר. הערצל'ס טהעטיג־קייט איז אלזאָ נאָך אלע „גליקען" א נול. דיא סאָציאליסטען זעהען עס יעצט, דיא ציוניסטען וועלען עס דערזעהען אין קורצען.

פּ. קראַנין.

# פּערלען פון אידישקייט



שארלז דיקענס, דער גרויסער ענגלישער הו־מאָריסט, שטעלט פּאָר אין איינעם פון זיינע ראָמאנען אזא מין כא־ראקטער פון א פרוי: זיא רייצט זיך, למשל, מיט איהר מאן, אז זיין טאָכטער האָט גענומען א בעטלער. זאָגט דער מאן: „דו ביזט דאָך א ליגנערין!" ענטפערט זיא: „וואָס דען, א מיליאָנער איז ער, דער איי־דעם דיינער? א מילליאָנער, הא? וויז מיר וואו ליגען זיינע מיליאָנען?" אָדער זיא בעריהמט זיך, אז איהר פעטער איז א מיליאָנער. זאָגט דער מאן: „עס איז דאָך א ליגען!" שרייט זיא: „וואָס דען, מיט א טאָרבע געהט ער איבער דיא הייזער?"

אז ניט קיין גוזמא פון איין זייט, קומט ביי איהר אויס א גוזמא פון דער אנדערער זייט.

אָט אלס אזא כאראקטער קומען מיר פּאָר דיא זאָגענאנטע אידישע „פּאטריאָטען," דיא אתה־בחרתנו'קעס, וואָס מיינען, אז ווען מען וויל אָבשלאָגען דיא בלבולים פון דיא צוררי ישראל, וואָס זאָגען, אז אין אידישקייט שטעקט כל מום רע, אלדאָס בייז, מוז מען דוקא א שפּרונג טהאָן צום אנדערן עקסטרעם און זאָגען, אז אידיש־

קייט איז אזא מין וואונדערליכע צאצקע, אז אזוינס קען גאָר אויף דער וועלט ניט זיין.

פונקט אזוי וויא עס איז שקר וכזב, וואָס דיא שונאי ישראל זאָגען, אז עס איז גאָר ניטאָ אויף דער וועלט אזא שטיק שלאק וויא אידישקייט, אזוי איז אויך שקר וכזב, וואָס דיא אתה־בחרתנו'ניקעס שרייען דאגעגען, אז עס איז גאָר ניטאָ אין דער וועלט אזא צאצקעדיגער בריליאנט וויא אידישקייט.

איך האָב שוין הונדערט מאָל גערעדט וועגען דעם. עס איז מיר אָבער יעצט געקומען אויף דיא געדאנקען וועגען דעם ווידער צו רעדען און צו ברענגען פיעללייכט עפּעס נייעס. פון וואנען איז מיר דאָס געקומען אויף דיא געדאנקען? פון פאָלגענדע פּאָר שורות אין דעם ארטיקעל „דיא קאראאימען“, אין דיא „צוקונפט“ פון יוני:

„דיא אידישע רעליגיאָן פאָדערט זאָגאָר ניט, אַז מען מוז גלויבען אין גאָט (?!) וואָס דיא פאָדערט איז נאָר, מען זאָל לערנען און פאָלגען דיא תורה, וויפיעל דאָס בעלאַנגט צום לעבען און דעם גליק פון'ם פאָלק“.

נאטירליך איז נאָך איינע אזא וואונדערבארע „רעליגיאָן“ שוין אויף דיא וועלט ניטאָ! טאקי נאָר דיא רעליגיאָן פון דעם עם סגולה, פון דעם אויסגעקליבענעם פאָלק, קען זיין אזא וואונדערבארע צאצקע, וואָס פאָדערט נאָר מען זאָל לערנען און פאָלגען א תורה, וואָס וויל גאָר ניט מעהר וויא דאָס לעבען און גליק פון פאָלק!

איז דאָס אמת?

אויב יאָ, מעגען מיר אידען זיך ווירקליך האלטען זעהר גרויס און קוקען אויף אלע אנדערע פעלקער עפּעס וויא אויף „אויך מיר בעשעפענישען!“ און דער געדאנק פון גלייכהייט און אייניגקייט פון דיא ארבייטער פון אלע פעלקער, ניט קוקענדיג אויף קיין נאציאָנאלע גאוה, איז דאן ווייניגסטענס פיר דעם „איינציגען געקליבענעם פאָלק“ אַן אונמעגליכע זאך. קען א זיידענער יונגער מאנטשיק מאכען ברידערשאפט מיט א כאכאָל?

און אויסערדעם, אויב נאָר אידען זיינען אזא אויסגעקליבענעם פאָלק, דאָס איינציגע אין דער וועלט, וואָס האָט געקענט ארויסגעבען אזעלכע וואונדערליכע צאצקעס, איז דאך ווירקליך כדאי אזא פאָלק אָבצושיידען פון דיא גאנצע וועלט מענטשען אפילו מיט פלאָמבעס און בערד און פאות און מיט דעם גאנצען שולחן ערוך און חיי אדם, אבי אזא וואונדערליכע אומה זאָל בלייבען שטרענג אָבגעזונדערט. כדי זיא זאָל קענען אויפבעוואהרען אזעלכע וואונדערליכע פעריל, גייסטיגע, וואָס קיין אנדער פאָלק האָט ניט געקענט ארויסגעבען....

אָבער דאָס איז פונקט אזוי אמת, וויא עס איז אמת, וואָס דיא שונאי ישראל זאָגען, אז אידישקייט פאָדערט נאָר מאטשענסטווע, גוי'אישע בלוט און אלע חרבונות אויף אונזערע שונאים'ס קעפּ!

איך ווייס זעהר וואויל, אז פון דעם געוואלדיגען ים פון אידישע ספרים קען מען ארויסקלייבען אזעלכע פעריל, וואָס מיט זיי קען מען כלומרשט „בעווייזען“, אז אידישקייט איז דאָס, וואָס עס איז געזאָגט אין דיא אויבען־געבראכטע עטליכע שורות. אָבער וויפיעל מאָל האָב איך שוין אויף דעם אויפמערקזאם געמאכט, אז אין אידישקייט קען יעדער איינער געפינען — דאָס הייסט ז אָ ג ע ן, אז ער געפינט — וואָס איינער וויל נאָר אליין?!

וואָס נאָר ביי יעדען בעזונדערן שונא פון אידישקייט קומט אויס, אז עס איז שלעכט, דאָס וועט ער אייך „בעווייזען“, אז עס איז דאָ אין אידישקייט. אָפט קומט ביי איין שונא ישראל אויס, אז עפּעס איז מי יודע וויא שלעכט, און ער בעווייזט אייך, אז דאָס שטעקט אין אידישקייט; קומט אָבער גאָר א'ן אנדער שונא ישראל, וואָס נאָך זיין מיינונג איז דיא אייגענע זאך דוקא גאָר א גרויסע מעלה, און עס ווערט אייך גאָר בעוויזען מיט אותות ומופתים, אז פון אזוינס איז אין אידישקייט קיין זכר ניטאָ — אדרבה!

דאָס אייגענע איז ווידער אויך פערקעהרט: יעדער אידישער „פּאטריאָט“ וועט אייך בעווייזען אין אידישקייט גראדע דאָס, וואָס נאָך זיין ספּעציעלע מיינונג קומט אויס פיר גוט. און אָפט וועט איהר געפינען פערשיעדענע אזעלכע „פּאטריאָטען“ קריגען זיך ארום, איינער האלט א געוויסע זאך פאר א גרויסע מעלה. און ער בעווייזט אייך מיט אותות ומופתים, אז דאָס מיינט אידישקייט; דער אנדערער אָבער האלט דיא זאך גאָר פיר א גרויסען חסרון, וועט ער אייך שוין בעווייזען, אז אידישקייט איז גאָר ענטשיעדען געגען דעם.

עס זיינען דאָ א סך ביישפּיעלע וועגען אזעלכע זאכען. איך וועל זיי אין אנדערס מאָל צוזאמענשטעלען. דאָ בין איך ניט דאָס אויסען. איך וועל דאָ נאָר דערמאָנען דעם פאקט, אז וואָס איינער וויל, געפינט ער אין אידישקייט

און פאר וואָס קען מען בווייזען פון אידישקייט אלץ וואָס איינער וויל נאָר אליין?

א סך ווערט „בעוויעזען“ בלויז מיט פאלשע דריידלאך און פלפולים, מיט פאלשע אויסלייגונג פון ווערטער, מיט ארייגקוועטשען גראדע אזא פשט, וואָס מען האָט חשק, ניט קוקענדיג אויף קיין לאָגיק. אָפט טשעפּעט מען זיך צו א וואָרט און מען מאכט דערפון א קוואָרט. א ביסעל אָבער געפינט מען טאקי גאנץ דייטליך אין אידישקייט מערקווירדיג פערשיעדענע געדאנקען און בעגריפע, איינע פונקט פארקעהרט וויא דיא אנדערע.

און פאר וואָס איז דאָס?

וויל (איך האָב שוין אָפט בעמערקט אין אנדערע אַרטיקלען) אידישקייט איז ניט קיין איינהייטליכעס געדאנקען־סיסטעם. וואָס איז ארויסגעקומען פון איין קאָפּ. נאָר עס איז א געמיש פון געדאנקען פון טויזענדער קעפּ אין פערשיעדענע צייטען און פערשיעדענע אומשטענדען אין פערלויף פון 2—3 טויזענד יאָהר.

טהוט א קוק וואָס פיר אן אונגעהייערע מאסע גאנץ פערשיעדענע געדאנקען גייסטיגע און ליטערארישע פּראָדוקטען עס קומען היינט ארויס ביי א פאָלק; טהוט א קוק וואָס פיר א געוואלדיגע פערשיעדענהייט אפילו אין איין קורצע צייט! היינט ווער שמועסט נאָך אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען! נאָר היינטיגע צייטען איז רעליגיאָן א בעזונדערע זאך. א „פּריוואט־זאך“, און אלע אנדערע צווייגען פון גייסטיגע טהעטיגקייט זיינען זיך פערשיעדענע זאכען פאר זיך. פּאָליטיק איז איין זאך, מאָראל א צווייטע, פּאָעזיע א דריטע און אזוי ווייטער. אָבער אין דיא צייטען, ווען אלץ איז געווען בעהערשט פון רעליגיאָן, איז דיא רעליגיאָן געווען איין גרויסער טאָפּ און אהין האָט מען ארייגעוואָרפען אלע פרוכטען פון דעם מענשליכען גייסט און געמאכט דערפון איין רעליגיעזען צימעס. אלץ וואָס עס איז ביי דעם אידישען פאָלק געוואָרען געזאָגט און געזונגען, צי אין גלייכע ווערטלעך, צי אין מאָראל, צי אין פּאָליטיק, צי אין יורי, צי אין פּאָעזיע, צי אין וואָס איהר ווילט נאָר אליין: אלץ איז אריינגעפּאַקט געוואָרען אין דיא רעליגיאָן אריין. טאָ שטעלט זיך פאָר, אז אין דיא אידישע הייליגע ספרים, וואָס גילטען אלס אידישקייט, אלס דיא אידישע רעליגיאָן, שטעקט דיא גאנצע ליטעראטור פון א פאָלק אין א צייט פון דריי טויזענד יאָהר! איז עפּעס א וואונדער וואָס דאָס איז א געמיש, אין וועלכען איהר קענט געפינען פון כל המינים זאכען?

דאָך, אמת, דורך דיא אלע גאנץ פערשיעדענע זאכען ציהט זיך דורך איין געוויסער גייסט. און כאָטש ער האָט בשום אופן ניט אויסגעפיהרט וואָס ער האָט זעהר חשק געהאט, נעמליך צו שוועבען איבער אלע צייטען און אומשטענדען און זיי צו קאָנטראָלירען און צו פיהרען אין איין דרך; כאָטש אויך דיעזער גייסט אליין איז געוואָרען מיטגעריסען מיט דעם שטראָם פון דער צייט און האָט זיך געענדערט נאָך דיא אומשטענדען, דאָך האָט ער געשטרעבט — דיעזער אידישער גייסט — זיך דורכצוברעכען דורך דיא אלע צייטען און אומשטענדען.

וואָס־זשע איז דיעזער „אידישער גייסט“?

אָט וועגען דיעזע פראגע קלויבט זיך דאָס יעדער אויס פון דעם ים הגדול פון אידישקייט וואָס ער האָט געראדע חשק און ער זאָגט, אז דאָס איז דער עכטער גייסט פון אידישקייט. און פון וואָס צו קלייבען איז דאָך דאָ גענוג; מיר האָבען דאָך שוין גערעדט, אז עס פעהלט ברוך השם ניט אין אידישקייט פון „כל מאמינים שהוא“.

דער ריינער אמת איז אָבער, אז דער גייסט, וואָס האָט אין אמת'ן יא געזוכט (און ניט אויסגעפיהרט) זיך דורכצוברעכען אין אידישקייט איבער אלע צייטען און אומשטענדען און זיך צו לאָזען פיהלען אין אלע גייסטיגע פּראָדוקטען פון אידישען פאָלק, איז ווייטער גאָר ניט, וויא דער קאָנזערוואטיווער גייסט פון דעם ספּעציאל־אידישען גלויבען, פון בלינדען פעסט־האלטען אָן דיא פינסטערע טהעאָקראטיע (ממשלה פון גייסטליכע.) און נאָר אין דעם אליין איז אידישקייט עפּעס אנדערעס אין סאָרט (ניט אין וועזען) פון אלע אנדערע פעלקער און רעליגיאָנען — אין מאנכע פונקטען בעסער, אין מאנכע ערגער.

דאָס איז דער ריינער ניכטערנער אמת. גלויבט ניט אלע אנדערע מעשיות, וואָס מען וועט אייך אָנקלאפּען א קאָפּ וועגען דיא וואונדערליכע אויסנאהמע, וואָס אידישקייט איז אין מענשליכע זאכען — סיי צום שלעכטען, סיי צום גוטען!

געוויס. עס איז אמת, מיר ווייסען דאָס זעהר גוט, אז אין אידישקייט געפינט זיך א מאַסע זעהר טהייערע פּעריל פון חכמה און גוטסקייט. ווען מען זאָל זיי אויסקלייבען, קען מען צוזאמענשטעלען א וואונדערבארען שנירעל. אָבער ווען מען וועט אזא שנירעל אונשעצבארע אָבגעקליבענע פּעריל אויסגעבען פאר א מוסטער פון דיא גאנצע פארטי סחורה וועט מען דעם רינר געוואלדיג אָבנארען!

עס איז נאָר א בעליידיגונג פיר דעם אידישען פאָלק, וואָס מען ריהמט איהם דערמיט, אז צווישען אלין וואָס איז אָנגעשריבען געוואָרען ביי איהם אין אזא לאנגע צייט, וויא 3 טויזענד יאָהר, געפינען זיך א סך גאָלדענע ווערטער! פאר וואָס זאָלען זיך ניט געפינען? וואָס זיינען אידען אזוי ניעדריג, אז עס זאָל זיין א וואונדער וואָס אין אזא אונגעהייער לאנגע צייט האָבען זיך ביי זיי אָנגעקליבען גוטע ווערטער? און ביי וועלכען פאָלק און אין וועלכע רעליגיאָן פון דער וועלט האָבען זיך דען ניט אין אזעלכע לאנגע צייטען אָנגעקליבען א מאסע בריליאנטענע זאכען?

אפילו ביי דיא ווילדע אינדיאנער אין אמעריקא האָט מען אויך ענדליך היינט אויפגעקליבען א מאסע וואונדערבארע בריליאנטענע געדאנקען אין מעשה'לעך און פאנטאזיעס און ווערטער. יעלבע זיינען זאָגאר שוין טיילווייז צוזאמענגעקליבען געוואָרען אין שול־ביכער, און מען גיט זיי צו לעזען דיא שול־קינדער פון דיא הויך־ציוויליזירטע אמעריקאנער שולען. היינט פאר וואָס זאָלען זיך עפּעס אזעלכע זאכען ניט געפינען אין אידישקייט?

אָבער ניט זיי, דיא דאָזיגע זאכען, מאַכען אויס דעם אלגעמיינעם כאראקטער פון אידישקייט אלס א בעזונדערע רעליגיאָן. אפילו דיא בעסטע זאָגעכטסען, וואָס מען געפינט אין אידישקייט, זיינען ניט געזאָגט געוואָרען צו פערדאנקען גראדע אידישקייט, נאָר צו פערדאנקען דעם אלגעמיינעם נאַטירליכען פערשטאנד און געפיהל. דען דיא בעסטע געדאנקען (לויט דעם וועלטליכען פערשטאנד), וואָס מען געפינט אין אידישקייט, געפינט מען אויך ביי אנדערע, פיעל עלטערע פעלקער און רעליגיאָנען.

צום ביישפּיעל, וויפיעל שטאָלצירט מען ניט מיט דעם טהייערען וואָרט פון הלל: „וואָס דיר איז פערהאַסט, דאָס טהו ניט יענעם — דאָס איז דיא גאנצע תורה, און דאָס איבריגע איז נאָר א פירוש אויף דעם". אידען שטאָלצירען מיט דעם, אלס דעם אייגענטהימליכען בריליאנט פון אידישקייט. קריסטען ווידער שטאָלצירען מיט דעם עהנליכען וואָרט פון קריסטוס. זיי רופען עס „קריסטליכער גאָלדענער כלל", און זיי מיינען אָדער נאררען אָב, אז מיט דעם טייערען כלל האָט נאָר דאָס קריסטענטהום דיא וועלט בעשענקט. איז אבער דער אמת, אז פונקט אזא אויסדרוק איז שוין געזאָגט געוואָרען מיט 5 הונדערט יאָהר פריהער ביי דיא געצען־דיענער! פיטאקאָס, איינער פון דיא זיבען חכמי יון, האָט געזאָגט: „טהו ניט יענעם דאָס, וואָס דו וואָלסט פון איהם פאראיבעל גענומען".

און נאָך פריהער האָט דער כינעזישער רעליגיאָנס־גרינדער קאָן־פו־טסע (קאָנפוציוס) געזאָגט:

„טהו יעדען וואָס דו ווילסט ער זאָל דיר טהון; טהו ניט קיינעם וואָס דו ווילסט ניט מען זאָל דיר טהאָן. דו ברויכסט ניט מעהר וויא דיעזען געבאָט אליין, עס איז דער פונדאמענט פון אלע אנדערע געבאָטע".

אויך אריסטאָטעלעס האָט געזאָגט: „מיר מוזען זיך געגען אנדערע אזוי בענעהמען, וויא מיר ווינשען אז אנדערע זאָלען זיך געגען אונז בענעהמען". האָט איהר ווידער דאָס אייגענע.

וואָס פיר א געוואלט איז דאָס אזוינס, וואָס פיר איי־איי־איי, ווען אין דיא גאנצע ליטעראַטור פון אידישען פאָלק פון 3 טויזענד לאנגע יאָהרען געפינען זיך עטליכע הונדערטע אָדער טויזענד גוטע געדאנקען? זעהט, למשל, נאָך דיעזע ווערטער פון דעם נביא פון דיא „ווילדע" כינעזער געצען־דיענער, קאָן־פו־טסע, וועלכער האָט געלעבט איידער תורת משה איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרען:

„א גרויסער מענש זוכט חסרונות אין זיך, א קליין מענשעלע — אין יענעם".

„א פערשטענדיגער מענש האלט ניט קיין מענשען גרויס צוליעב זיינע הויכע ווערטער און האלט ניט קיין וואָרט פאר קליין, ווייל א קליינער מענש האָט עס געזאָגט".

(מיר קענען דערצו צולעגען: א פערשטענדיגער מענש האלט אויך קיין רעליגיאָן ניט גרויס צוליעב איינינגע גוטע ווערטער, וואָס געפינען זיך אין איהר...)

„לערנונג, אונפערדייהעט דורך נאָכטראַכטען, איז פערלוירענע מיה; טראַכטען, ניט געשטיצט אויף לערנען, איז שעדליך".

„א פאַרזיכטיגער מאַן מאַכט זעלטען א טעות".

אָדער זעהט ווערטער וואָס האָבען זיך פערוואַלגערט פון די גרוי־אַלטע צייטען ביי די „ווילדע" געצען־דיענער, די יאַפּאַנעזער :

„די אוצרות, וואָס מען קלייבט אָן אין שפּייכלערס, ווערען צו גאָר ניט; די אוצרות, וואָס מען קלייבט אָן אין קאָפּ, בלייבען אייביג".

„דו קענסט דיר אָנקלייבען טויזענד גאָלדענע מטבעות, און זיי וועלען ניט ווערטה זיין וואָס איין איינציגער טאָג ערנסטעס שטודירען איז ווערטה".

נו, וויא געפעלען אייך אזוינע „משלי מוסר" און „פרקי אבות" פון די נביאים פון די כינעזער און יאַפּאַנעזער עבודה־זרה'ניקעס? אזוינע פּעריל הייבען קריסטען ארויס פון זייער קריסטענטהום און אידען פון זייער אידישקייט און שטאָלצירען דערמיט גאָר פּחדים'דיג, און מיינען, אז נאָר זייער גאָט האָט דאָס געקענט „ענטפּלעקען" צו זיינע הייליגע.

און אזעלכע בריליאַנטענע ווערטער געפינען זיך אין אלע רעליגיאָנען פון דער וועלט — אין די רעליגיאָנען פון דעם פּערזישען צאַראָאַסטער, פון דעם אינדישען בראַהמאַ, פון דעם אָריענטאַלישען בודדהאַ. און אזעלכע ווערטער שטאַמען ניט פון די געטער פון די רעליגיאָנען, נאָר פון מענשליכען פערשטאַנד.

ווען אלזאָ מיר ווילען עקזאַמינירען אידישקייט אלס רעליגיאָן, אלס „געטליכען" גלויבען, אום צו זעהען, אויב זיא איז נאָך היינט ניצליך אלס בעזונדערע לעהרערין און וועג־ווייזערין פיר היינטיגע מענשען, קענען וועגען דעם דיזע אבסטראַקטע גוטע געדאַנקען, וואָס זיינען אמאָל אויסגעדריקט געוואָרען אין די אידישע ספרים, גאָר ניט בעוויזען, דען ווען מען זאָל ניט מעהר בענוצען אידישקייט אלס בעזונדערע „געטליכע" לעהרערין, מיט אלע איהרע פעסטע „געטליכע" אבזאָנדערונגען פון אלע איבריגע פעלקער און מיט איהר גאַנצען אלגעמיינעם בעזונדערען כאַראַקטער, וועט מען גאָר ניט פערליערען פון די פּעריל פון אלגעמיינעם מענשליכען פערשטאַנד וואָס געפינען זיך אין איהר. אדרבה, דער אלגעמיינער מענשליכער פערשטאַנד וועט נאָר ארויסברענגען מיליאָנען מאָל בעסערע געדאַנקען, ווען ער וועט זיך בעפרייען פון די פענטעס, וואָס דער גלויבען האָט אויף איהם ארויפגעלעגט, פערביטענדיג צו טראַכטען און צו בענוצען דעם פערשטאַנד.

ניין, ניט קיין אנציגע פון די פּעריל, וואָס געפינען זיך אין דעם ים פון אידישקייט וועט פערלוירען ווערען, ווען דיזער ים וועט צונויפשטראָמען מיט די גייסטיגע ימים פון אלע פעלקער. דער ענגער „אידישער גייסט" האָט ניט א האָר ארויסגעבראַכט אזא גוטעס וואָס דער ברייטער אלגעמיין־מענשליכער גייסט וועט עס ניט גראַדע אזוי, און בעסער ארויסברענגען.

מיר האָבען געזעהען, אז אזעלכע צאַצקעס וויא מען געפינט אין די אידישע לעהרען, געפינט מען אויך אין די לעהרען פון אלע פעלקער.. אָבער לאָמיר זיך ניט נאַררען, — עס טרעפט אָפט נאָך מעהר — עס טרעפט, אז די גוטע מענשען־פריינדליכע לעהרען ביי אנדערע פעלקער געהען אויף אלע מענשען, ווען אזעלכע לעהרען ביי אידען געהען נאָר אויף אידען, און דוקא נאָר אויף פרומע אידען.

אָט וועלען מיר דאָ אנטקעגען־שטעלען וואָס עס האָט געזאָגט א מענשליכער קריעגס־פיהרער פון די כלומרשט „ווילדע" געצען־דיענער, די כינעזען צו זיינע סאָלדאַטען, אנטקעגען דעם וואָס עס האָט געזאָגט דער הימלישער קריעגס־פיהרער, דער דערבאַרמדיגער גאָט פון די אידען בני רחמנים, צו זיינע סאָלדאַטען :

וואָס דער „ווילדער" געצען־דיענער הייסט.

„א מחנה סאָלדאַטען, וואָס געהט אין מלחמה, טאָר זיך אויף קיין אופן ניט בעפלעקען מיט גרויזאַמקייט. אונטער דעם ליכט פון הימעל לעבט ניט קיין זאַך וואָס האָט אזא גרויסע ווערדע, וויא דער מענש. זייט שטאַרק, אָבער קיין מאָל ניט גרויזאַם, שאַנעוועט די פעלדער און אלע ניצליכע זאַכען. היט אייך איהר זאָלט ניט דערוועגען אַנצופאַללען אויף אַזעלכע מענשען פון דעם שונא, וואָס קענען זיך ניט וועהרען. פערוואונדעטע שונאים זאָלט איהר היילען, און ווען זיי זיינען געהיילט, זאָלט איהר זיי צוריקשיקען אין זייער היים און זיי מיטגעבען גענוג געלד צום לעבען, כדי זיי זאָלען דאָרטען עדות זאָגען אז איהר זייט מענשען".

וואָס דער גאָט פון אידען בני רחמנים הייסט.

„פון די שטעדט פון די פעלקער, וואָס יהוה דיין גאָט שענקט דיר, זאָלסטו ניט לאָזען לעבען קיין איין לעבעדיגע נפש... פערוויסטען זאָלסטו זיי, דעם חיתי, אמורי, כנעני, חווי

אונ יבוסי, אזוי וויא יהוה דיין גאָט האָט דיך געבאָטען". (דברים כ')

„אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער קריעגס־פיהרער,... געה און שלאָג עמלק'ן, און דו זאָלסט פערוויסטען אלץ וואָס זיין איז, און דו זאָלסט קיין רחמנות ניט האָבען אויף איהם. דו זאָלסט טויטען פון מאן ביז פרוי, פון יונגע מענשען ביז זייגעדיגע קינדער, פון אָקס ביז שעפּסיל, פון קעמיל ביז אייזעל". (שמואל א' ט"ו.)

און ווען שאול האָט רחמנות געהאַט אויף ניצליכע זאכען און האָט זיי ניט פערוויסטעט און אגג'ן ניט ערמאָרדעט, איז גאָט געוואָרען אויף איהם שרעקליך אין גרים־צאָרן."

דיא ווערטער פון דעם „ווילדען" כינעזער געצען־דיענער האָט געשריעבען דער קריעגס־גענעראל בע־מאָ מיט לערך צוויי טויזענד יאָהר צוריק. אין דער זעלבער צייט האָט נאָך ביי אידען יעדער שטארק געגאָלטען דער אויבען־געבראכטער געבאָט פון זייער קריעגס־גענעראל, יהוה צבאות.

און דיא היפּאָקריטישע הערשער פון דיא קריסטליכע וועלט, וואָס גלויבען אין דיא געטליכקייט פון דיעזען אונדערבארמדיגען געבאָט פון יהוה, האָבען נאָך דיא הוצפּה צו שרייען, אז דיא כינעזען זיינען א „געלע געפאהר" פיר דיא „קריסטליכע ציוויליזאציאָן"!

דיא אנטקעגען־שטעלונג בעווייזט ניט, אז אידען זיינען געווען ווילדער וויא דיא כינעזען. דען וואָס איינער זאָגט, בעווייזט עבען נאָך לאנג ניט, אז דאָס איז דער ווירקליכער כאראקטער פון זיין פאָלק און זיין רעליגיאָן. אבער אזוי בעווייזט ווידער אויך ניט וואָס איינער זאָגט אמאָל עטוואָס פאָרטשריטליכעס אין דיא אידישע הייליגע ספרים — אז דאָס איז דער אייגענטליכער כאראקטער פון אידישקייט אלס רעליגיאָן.

* * *

זעהר ריכטיג האָט גע'טענה'ט דער הייליגער צדיק ר' שלמה מונטפּייליר. „וואָס?" האָט ער געשריען, „וואָס? מענשליכע חכמות און מענשליכע מאָראל, זאָגט איהר, איז אידישקייט? צוליעב דעם האָט גאָט געדארפט מאכען אזא רעש אויף'ן בארג סיני, ווען ער האָט געגעבען דיא תורה? אזעלכע מענשליכע לעהרען האָבען דאָך דיא חכמים פון דיא אומות העולם אליין אויך געקענט אויסטראכטען!" — ער טענה'ט דאָס געגען דעם רמב"ם און אנדערע מחקרים, וואָס ווילען אלץ איינרעדען, אז אידישקייט מיינט פילאָזאָפישע וואהרהייט און מענשליך־קלוגע מאָראל־לעהרען און אז אין דעם ליגט איהר גאנצע ווערדע. ניין, שרייט ר' שלמה זעהר ריכטיג, ניין, ניט מענשליכע חכמות איז אידישקייט! אידישקייט איז וואָס גאָט האָט געבאָטען און וואָס דער מענש פערשטעהט גאָר ניט וואָס פיר א טעם דאָס האָט און וואָס עס וואָלט דעם מענשליכען שכל גאָר ניט איינגעפאלען.

אזוי האָט געזאָגט א גאון מיט ארום 900 יאָהר צוריק. און דאָס איז ריכטיג! אידישקייט, דאָס וואָס עס איז טאקי נאָר ספּעציעל אידישקייט און ניט אזוינס וואָס איז יעדען בעסערן מענשליכען שכל איינגעפאלען, איז דיא אידישע רעליגיאָן מיט איהרע ספּעציעלע איבערנאטירליכע פינסטערע חלומות, וועלכע האָבען זיך ביי אידען, גראדע אזוי וויא ביי אנדערע פעלקער, נאָר געזוכט דורכצוברעכען דורך אלע אומשטענדען אלס מאכט פון פינסטערניש, אלס שטערונג פון פאָרטשריט און פון אלץ וואָס קומט פון דעם ניכטערנעם, וועלטליכען געזונדען מענשען־פערשטאנד.

פאר וואָס זאָלען דענקענדע מענשען ניט האָבען דעם מוטה ארויסצוזאָגען דעם ריינעם ניכטערנעם אמת?

ב. פייגענבוים.

# The Raven

BY

Edgar A. Poe



# דיא ראָב[1]

איבערזעצט פון

ה. רויזענבלאט

אין אַ קאַלטער נאַכט א גרויער, שווער בעטריבט פון טיפען טרויער.
בין איך מיר פערזאָרגט געזעסען, גריבלענדיג זיך אין א בוך;
פּלוצים האָט דערהערט זיך קלאַפּען, וויא פון זאנפטע רעגענטראָפּען.
וויא ס'וואָלט איילענדיג ווער טאַפּען — טאַפּען, זוכענדיג מיין טיהר.
„ס'איז געוויס א נאַכט־בעזוכער, קומט פערשפּעטיגט איצט אַהער
בלויז נור דאָס און קיין זאַך מעהר".

איך געדיינק דאָס נאָך אַצינדער; עס איז געווען אַ נאַכט אַם ווינטער.
יעדער נאַכט־שאַטען בעזונדער האָט אַשרעק ערוועקט אין מיר;
כ'האָב מיט וועה ערוואַרט דעם מאָרגען, כ'האָב געזוכט פון ביכער באָרגען
טרויסטונג פאר דיא ליידענס־זאָרגען — זאָרגען אונערטרעגליך שווער;
פאר דער שעהנהייט, וועמען ס'רופען דיא מלאכים אָן לענער (*)
וועלכע לעבט שוין דאָ ניט מעהר.

און דאָס שאָטענדיגע מינען אויף דיא פּורפּורנע גאַרדינען,
איבערפילט האָט מיין נשמה מיט א שוידערליכען גרויל.
אום דיא שרעק'נים צו פעריאָגען, האָב איך זעלבסט גענומען זאָגען:
„ס'קומט ווער איילענדיג צו יאָגען אין דער שפּעטער נאַכט אַהער;
ס'איז געוויס א נאַכט־בעזוכער קומט פערשפּעטיגט איצט אַהער —
בלויז נאָר דאָס און קיין זאַך מעהר".

באַלד איז דאָך מיין הערין געוואָרען שטאַרקער, און איך האָב פול צאָרן
אויסגעשריען: „הער צו, דאַמע, בלייב א ווייל' נאָר שטום און הער:
כ'האָב געדרימעלט, און דיין קלאַפּען קומט וויא שווערע רעגענטראָפּען;
גלייך וויא איילענד וואָלט ווער טאַפּען — טאַפּען, זוכענדיג מיין טיהר.
זעה איך עפען ברייט דיא טיהר אויף און איך לאַד דיר איין אהער" —
—פינסטערנים און קיין זאַך מעהר.

איבערפילט מיט ווילדע שרעקען, האָט דיא נאַכט גענומען וועקען
אין מיין דמיון שוואַרצע טרוימען, שוידערליכע פאנטאזיען.

1) אזא שווארעצר פויגעל בעלאנגענדיג צו דער קראָען־פאמיליע.

אַז מיין האַרץ, וואָס איז געלעגען שטום, האָט שמערצליך אויסגעשריען —
און פול שוידער האָט געשטיגען דורך דער נאַכט דאָס וואָרט „לענער“!
אָפּגעענטפערט נאָר דער עכאָ האָט פון צימער דומפּ און לעער:
„בלויז נאָר דאָס און ק י י ן ז אַ ך מ ע ה ר“.

מיט דעם פייער פון דער העללע, אויפגעפלאַמט ביי מיר אין זעעלע,
האָב איך זיך צוריק אין קאַלטען, פינסטערן צימער אומגעקערט.
נאָר דערהערט האָט באַלד זיך קלעהרער אין מיין טהיר דאָס קלאַפּען שווערער.
„איצט איז שוין קיין צווייפעל מעהרער: יעמאַנד קומט געוויס אַהער“ —
און איך עפען ברייט דיא טיהר אויף, האַלט דעם אטהעם איין און הער
„בלויז דער ווינד און ק י י ן ז אַ ך מ ע ה ר“.

אום מיין כעס דאַן אויסצוגיסען, האָב איך וויטהענד אויפגעריסען
טיהר און לאָדען און פון דרויסען איז אַריין א שוואַרצע ראַב.
לאַנג האָט זיא זיך אומגעטריבען — ענדליך האָט זיא זיך פערקליבען
אויף מיין ביוסט, און איז געבליבען קראַקענדיג דאָרט זיצען שווער.
קראַקענדיג מיט ווילדע קולות, כראָפּענדיג פערשטיקט און שווער —
„בלויז נאָר דאָס און ק י י ן ז אַ ך מ ע ה ר“.

לאַנג האָט דאַן זי שטרענג בעטראַכט מיך, ביז כ'האָב נערוועז אַזש צולאַכט זיך
פון דעם שוידערהאַפטען אַנבליק, פון דער טייפליש ווילדער ראַב.
„שד!“ האָב איך גענומען ברומען „שד, ווען וועט דיין קול פערשטומען?
זאָג: פון וואו ביזט דו געקומען, ווער האָט דיך פעריאָגט אַהער?
זאָג, דערצייל מיר, וויא מען רופט דיך, וויא דיין נאָמען איז ערקלעהר!“
און זיא ענטפערט: „ק י י ן מ אָ ל מ ע ה ר!“

לאַנג האָב איך דאַן אַ פערקלעהרטער, נאָכגעדענקט דיא מאָדנע ווערטער,
ווערטער, וועלכע האָבען ווייניג וואָס בעדייטונג געהאַט פאַר מיר.
ניט געקענט האָב איך ערקלערען זיך דעם רעטזעל, אָט דעם שווערען:
האָט געקענט פאַרבלאָנזשעט ווערען אזאַ פויגעל גאָר אַהער?
איז נאָך ווען אַמאָל געקומען אזא ווילדע ראב אהער,
מיט דעם נאָמען: „ק י י ן מ אָ ל מ ע ה ר“?

דאָך דיא ראַב, זיא זיצט נאָך אימער אויף מיין ביוסט ביי מיר אין צימער,
קראַקענדיג דיא זעלבע ווערטער — איהר פעלשאָט'נע זעעלען־שפּראַך —
חוץ איהר קראַקען דאָ כסדר, ריהרט זיך ניט אויף איהר קיין פעדער.
פיעלע פריינדע האָבען, ליידער, מיך פערלאָזט שוין און איך קלעהר:
„אויך ווען סטו מיך באַלד דאָ לאָזען צו מיין שיקזאַל גרויזאם שווער?
נאָר דיא ראַב שרייט: „ק י י ן מ אָ ל מ ע ה ר!“

איבעררראַשט בין איך געוואָרען פון דעם ענטפער, פון דעם קלאָרען.
„זיכער איז דיא ראַב אַנטרונען פון אַ שיקזאַל פונקט וויא מיין;
פונקט וויא מיין קען זיין דאָס צימער, וואו עס האָט איהר אייגענטהימער,
טרויעריג געזונגען אימער פון א מזל וויסט און שווער —
נאָר פון אלע זיינע ליעדער, שיינט, געבראַכט האָט זיא אַהער
בלויז דעם איינעם: „ק י י ן מ אָ ל מ ע ה ר“.

ענדליך בין איך ווילד געוואָרען, אויסער זיך צוקאָכט פון צאָרן,
האָב איך שנעל גענומען פעכטען מיט דיא פויסטען ארום זיך.
ביז ערשעפּפט פון קאַמפּף פון שווערען, האָב איך זיך געזעצט מיט טרערען
און גענומען טראַכטען, קלעהרען, טרעפען חידות טיעף און שווער.

וואָס דיא ווילדע ראַב, דיא שוואַרצע, וועלכע קומט דורך נאַכט אַהער
מיינט דאָס מיט דעם „ק י י ן מ אָ ל מ ע ה ר“.

לאַנג בין איך אַזוי געזעסען, שאַרף דיא אויגען איינגעגעסען
אין דעם ווילדען, שוואַרצען דעמאָן, אין דעם העסליך בייזען שד.
פון דעם באַלקען, פון דעם נאַסען, האָט דער לעמפּעלע צוגאָסען
טרויעריג זיין שיין, זיין בלאַסען, איבערן צימער, קאַלט און לער,
און פון ביוסט האָט אַלין געהערט זיך נאָך איהר קראַקען דומפּפּ און שווער
רק דער זעלבער: „ק י י ן מ אָ ל מ ע ה ר“.

ענדליך האָב איך דאָך פערלאָרען דעם געדולד, און האָב פול צאָרן
אויסגעשריען: „גאָט, צו טייפעל, הער שוין פייניגען מיך אויף!
נעם דיין פרצוף צו פון דאַנען. געה, איך וויל דיך מעהר ניט קאָנען;
קעהר זיך אום אַהין, פון וואַנען ביזט פערבלאָנדזשעט דאָ אַהער.
לאָז מיר איינזאַם דאָ זיך בלייבען, עלענד, פונקט וויא ביז אַהער“.
נאָר דיאראַב שרייט: „ק י י ן מ אָ ל מ ע ה ר“.

„זאָג ערקלער מיר, גאָט, צו טייפעל, מאַך מיך פריי פון ווילדען צווייפעל!
האָבען בייזע ווירבעל־ווינדען דיך אַהער אין נאַכט פארפיהרט ?
זאָגסט, וואָס האָט געקענט דיך טרייבען דאָ דיין נעסט זיך אויסצוקלייבען?
זאָג: וויא לאַנג וועסטו נאָך בלייבען אין מיין צימער, וויסט און לער?
ווען וועסטו מיך ענדליך לאָזען מיט מיין שיקזאַל, גרויזאַם, שווער?“
און דיא ראַב שרייט: „ק י י ן מ אָ ל מ ע ה ר“.

„נביא, מאַך מיך פריי פון צווייפעל; נביא, מלאך, שד, צו טייפעל,
איך בעשווער דיך ביי דיא הימלען, ביי דעם גאָט, וואָס איבער אונז;
זאָג מיר: וועט מיין גייסט, פול ליידען, ווען בעגעגנען אין גן־עדן
יענע הייליג שעהנע מיידעל, יענע הימלישע לענער?
וועל איך זעהן נאָך מיין געליעבטע, זאָג מיר, נביא, זאָג, ערקלעהר?!“
און דיא ראַב שרייט: „ק י י ן מ אָ ל מ ע ה ר“.

„זאָל דאָס זיין דער לעצטער ליגען!“ האָב איך וויטהענד אויסגעשריגען, —
„קעהר צוריק זיך אין דעם חושך, אין דעם נאַכטליך־שוואַרצען תהום!
לאָז קיין פעדער דאָ, קיין שוואַרצען — צייכענס פון דיין פאַלשען האַרצען —
רייס ניט אויף דאָס אַלטע שמאַרצען, אַלטע וואונדען, אַלטע וועהן;
ציה אַרויס דיין שאַרפען שנאָבעל פון מיין בוזעם ליידענד שווער!“
נאָר דיא ראַב שרייט: „ק י י ן מ אָ ל מ ע ה ר“.

און דיא ראַב, זיא זיצט נאָך אימער אין מיין דונק׳לען, פוסטען צימער,
אויבען אויף א ביוסט פון פּ אַ ל אַ ס (*) אויף דעם געזימס איבער מין טיהר,
און דיא אויגען איהרע ווינקען ביסטרע, שפּריצענדיג מיט פונקען,
וועלכע ווערען גלייך דערטרונקען אין דעם שאָטענדיגען מעער.
און מיין שאָטען, וועלכער פלאַטערט אין דעם חשך, טיעף און שווער —
שטייגען זאָל שוין ק י י ן מ אָ ל מ ע ה ר!....

*) דיא גריכישע געטין פון וויזהייט.

# דער וועלט=רעטעניש

(פריי נאָך ער־סט העקעל).

עס קומט אונז אויס אָפט זיך צו טרעפען מיט מענשען, וועלכע זיינען סאָציאליסטיש געזאָנען און צו גלייכער צייט קענט איהר זעהען וויא זיי וועלען געהען צו סליחות, וועלען פאַסטען יום כיפור און דערגלייכען. אין ערשטען אויגענבליק, דאכט זיך, וויא ערקלערט מען אזא ווידערשפרוך? אין איין פאל האנדעלט ער און דענקט לאָגיש, זעלבסטשטענדיג, און אין אן אנדערן פאל האנדעלט ער קינדיש, ער דענקט נ י ט, ער ג ל ו י ב ט. דיא ערשיינונג ערקלערט זיך גאנץ פראָסט: וועהרענד אונזערע פראָגרעסיווע און סאָציאליסטישע צייטונגען און זשורנאלען זוכען בעקאנט צו מאכען און צו ערקלערען דעם ארבייטער פּאָליטישע און סאָציאלע פראגען, בערירט מען זעהר זעלטען פראגען איבער נאטור־וויסענשאפט. דארום קומט אויך אויס, אז א מענש, וועלכער איז גוט בעקאנט מיט דיא סאָציאלע פראגען, האָט ניט דיא קלענסטע אידעע וועגען דיא איינפאכסטע נאטור־ערשיינונג. עס איז דארום קיין וואונדער ניט, ווען איינער, וואָס זאָגט אפילו מיט'ן גאנצען מויל, אז ער „האָט גאָט אין דער ערד“, אין הארצען אָבער ציטערט ער שטארק פיר דעם זעלבען גאָט, דען איין אמת'ער אונגלויביגער, א וואהרער אטעאיסט קען נור דער זיין, ווער עס איז בעקאנט מיט דער נאטור און מיט איהרע געזעצען. צו ערקלערען דעם לעזער עטליכע סודות פון דער נאטור וועט זיין דיא אויפגאבע פון דיא ארטיקלען.

---

## ערשטער קאפיטעל.

## אלגעמיינער קולטור־בילד פון 19טען יאהר־הונדערט.

דער 19טער יאהר־הונדערט אָדער, ריכטיגער געזאָגט, דיא צווייטע העלפט פון 19טען יאהרהונדערט, האָט געמאכט אזעלכע געוואלדיגע פאָרטשריטע אין אלע צווייגען פון וויסענשאפט, טעכניק, אינדוסטריע, האנדעל און ז. וו., אז ווען א מענש פון 18טען יאהרהונדערט וואָלט דאָס געקענט זעהען, וואָלט ער אודאי בעהויפטעט, אז דאָס איז דיא ארבייט פון א צויבערער, פון א גאָט, דען אין דעם האלבען יאהרהונדערט איז מעהר אויפגעטהאָן געוואָרען, וויא אין דער גאנצער צייט פון דער מענשליכער עקזיסטענץ. עס איז אמת, אז אין לויף פון עטליכע טויזענד יאָהר האָט מען צוזאמענגעשלעפט ציגעל, צעמענט, ברעטער, מען האָט אויסגעטריקענט דיא זומפיגע, פערפעסטעטע ערטער, מען האָט פערשאָטען דיא טיעפע אָבגרונדען, בקיצור מען האָט פאָרבערייטעט א גרויסען טהייל פון דעם מאטעריאל און א פונדאמענט פיר דיא געביידע. דער מאטעריאל איז אָבער געוועזן פונאנדערגעוואָרפען, צומישט, ניט געהובעלט, ניט געפאָלירט. און אָט אין דער צווייטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט זיינען ערשינען געניאלע ארכיטעקטאָרס, וועלכע האָבען אויפגעבויט, בענוצענדיג זיך מיט דיזען מאטעריאל, אזא קאָלאָסאלע, אזא גראנדיעזע, אזא צויבערישע געביידע, דאָס עס ווילט זיך פשוט ניט גלויבען, אז דאָס איז דיא ארבייט פון מענשליכע הענד.... פראגען, וועלכע מען האָט גערעכענט, אז מען וועט זיי קיין מאָל ניט קענען ערקלערען, זיינען פערענטפערט געוואָרען; מען איז איינגעדרונגען אין דיא חדר חדרים פון הימעל און ערד און אויסגעפאָרשט זייערע סודות. מען האָט ניט געשוינט דעם „אויבערשטען“ אליין און איהם ארונטערגעשלייערט פון זיין טהראָן, וואָס איז געבויט געוועזן אויף אונוויסענהייט.

דורך דיא פערבעסערונג פון טעלעסקאָפ האָט מען ענטדעקט מיליאָנען פון וועלטען, וועלכע זיינען אזוי געוואלדיג גרויס, אז אונזער ערדקוגעל איז אין פערגלייך מיט זיי ניט מעהר וויא א שטויב. דער מיקראָסקאָפ דאגעגען האָט אונז געעפענט א גאנץ נייע וועלט מיט לעבען, וואו דיא בעשעפעניסען זיינען אזוי

קליין, אז אויף א שפּיץ פון א נאָדעל געפינען זיך טויזענדע פון זיי. דער מיקראָסקאָפּ האָט אונז אויך געהאָלפען אויסצוגעפינען, אז אָנהויבענדיג פון דיא קלענסטע בעשעפענים ארויף ביז צום מענשען גופא, זיינען אלע געבויט פון דעם זעלבען מאטעריאל, דאָס הייסט, זיי זיינען אלע צוזאמענגעזעצט פון דיא זעלבע צעללען. דורך דיא הילפע פון מיקראָסקאָפּ האָט מען אויסגעפונען, אז אלע העכערע פיעלצעלליגע אָרגאניזמען האָבען זיך ענטוויקעלט פון איין איינפאכע איינציגע צעללע, פון דיא „בעפרוכטעטע איי־צעללע“. דאָס האָט געגעבען דיא מעגליכקייט צו גרינדען דיא צעללענטעאָריע און אויפצוקלערען דיא פיזיקאלישע, כעמישע און פסיכאָלאָגישע פּראָצעסען פון לעבען, דיא דאָזיגע געהיימניספאָללע ערשיינונגען, וועלכע מען פלעגט פריהער אָנרופען „לעבענסקראפט“ אָדער דיא „אונשטערבליכקייט פון דער זעעלע“. דיא צעללען־טעאָריע האָט אויך דיא דאָקטוירים געעפענט דיא אויגען איבער דיא אורזאכען פון קראנקהייטען.

ניט ווייניגער געוואלדיג זיינען דיא פאָרטשריטע, וועלכע דער 19טער יאהרהונדערט האָט געמאכט אין דער ערפאָרשונג פון דיא אונאָרגאנישע נאטור. דיא פיזיק, אין אלע איהרע אבטהיילונגען, אין אָפּטיק און אקוסטיק, אין מאגנעטיזמוס און עלעקטריציטעט, אין מעכאניק און ווארמקייט, האָט געמאכט ערשטוינליכע פאָרטשריטע, און דאָס וויכטיגסטע, וואָס דיא פיזיק האָט אויפגעטהאָן איז, וואָס זיא האָט בעוויזען די **איינהייט פון דיא נאטורקרעפטע אין גאנצען יוניווערזום**.

דיא מעכאנישע ווערמע־טעאָריע האָט בעוויזען וויא ענג איין קראפט איז פערבונדען מיט דיא אנדערע און וויא איינע קען אונטער געוויסע אומשטענדען פערוואנדעלט ווערען אין דיא אנדערע. דער ספּעקטראל־אנאליז האָט אונז איבערצייגט, אז דיא זעלבע שטאָפען אָדער מאטעריע, פון וועלכע אונזער ערד מיט אלעם וואָס אויף איהר לעבט, זיינען צוזאמענגעשטעלט, געפינען זיך אויף אלע פּלאנעטען, זונען און דיא ווייטעסטע פיקסע־שטערן. דיא כעמיע האָט אונז בעקאנט געמאכט מיט א גאנצע מאסע שטאָפען, מכח וועלכע מען האָט פריהער גאָר ניט געוואוסט, שטאָפען, וועלכע בעשטעהען פון פערבינדונגען פון ווייניגע אונצערלייגבארע עלעמענטען (איין ערך 70) און האָבען געקראָגען דיא גרעסטע בעדייטונג אין פּראקטישען לעבען. דיא כעמיע האָט אונז אויך געוויזען, אז איינער פון דיא עלעמענטען, דער **קוילענשטאָף**, איז דער דאָזיגער וואונדערבארער קערפּער, וועלכער ווירקט אין דער אויסבילדונג פון א מאסע אָרגאנישע פערבינדונגען און שטעלט פאָר, זאָ צו זאָגען, „דעם כעמישען באזיס (גרונד) פון לעבען“.

נאָר דיא אלע גרויסע ערפאָרשונגען פון כעמיע און פיזיק זיינען פערהעלטניסמעסיג קליינינגקייטען אין פערגלייך מיט דיא געוואלדיגע ענטדעקונג פון **סובסטאנץ** (מאטעריע) **געזעץ**. דיזער געזעץ, וואָס מען רופט אויך דער „קאָסמאָלאָגישער גרונד־געזעץ“, בעווייזט דיא **אויביגע עקזיסטענץ פון שטאָף און קראפט**, דיא אלגעמיינע **ערהאלטונג פון ענערגיע און מאטעריע אין גאנצען יוניווערזום** און איז געוואָרען דער וועגווייזער פון דער וויסענשאפטליכער פילאָזאָפיע, וואָס גיט אונז א שליסעל צו דעם וועלטרעטענעס.

ניט ווייניגער וויכטיג איז איין אנדער געזעץ, וועלכער איז אויך א קינד פון 19טען יאהרהונדערט, נעמליך דיא **ענטוויקלונגס־טעאָריע**. דיא לעהרע וועגען ענטוויקלונג איז אפילו שוין לאנג בעפאָר אויסגעשפּראָכען געוואָרען; אָבער אז דער געזעץ בעהערשט דעם גאנצען יוניווערזום און אז דיא וועלט גופא איז נישט אנדערס אלס איין אויביגע **ענטוויקלונג פון דער סובסטאנץ**, דעם ריזיגען אונשטערבליכען פערדינסט האָט אונז ערוויזען דער בעריהמטער טשארלז דארווין אין 1859 יאָהר. אָט דיא לעהרע האָט אונז פערענטפערט דיא „פראגע פון אלע פראגען“, זיא האָט אונז געצייגט דיא שטעלע, וועלכע דער מענש פערנעהמט אין דער נאטור, זיא האָט אונז בעוויזען זיין יחוס און אויך וואָס פיר איין אופן ער איז ענטשטאנען.

איך וועל דאָ ניט געהן אויסרעכענען אלע ענטדעקונגען און ערפינדונגען, וועלכע זיינען געמאכט געוואָרען אין דעם 19טען יאהרהונדערט, איך וויל נאָר בעמערקען, אז דער כעמיע האָבען מיר צו פערדאנקען, וואָס מעדיצין האָט אזוי פּראָגרעסירט. דורך דיא אָנווענדונג פון כלאָראָפאָרם, עטהער, אנטיסעפּטיקס, סערום האָבען דיא ליידען פון דיא מענשהייט זיך אונגעהויער פערקלענערט; קראנקהייטען, וועלכע זיי־

נען פריער געווען אונהיילבאר, ווערען יעצט מיט ערפאָלג געהיילט.

בליציר, א ל ע כ האָט ערדייכט אזא שטופע, אז א ל ע מענשען וואָלטען געקענט זיין גליקליך; ליידער אָבער געניסען דיא פריכטע פון דעם געוואלדיגען פראָגרעס בלויז א גאנץ קליינע צאָהל אויסערוועהלטע; דער גרעסטער טהייל פון דער מענשהייט ליידעט נאָך איצט גראדע אזוי וויא בעפאָר, און אפשר נאָך מעהר, עס איז אָבער דאָ א טרייסט: דיא גרויסע צאָהל ד א ר ף נ אָ ר ו ו ע ל ע ן ג ע נ י ס ע ן, און זיא קען עס לייכט ערדייכען. גליקליכערוויזע הייבט זיא שוין אָן צו וועלען.....

אַלע וועלט־רעטענעסען ווערען איצט געלייזט אויף צווייערליי אופנים: ע ר פ א ה ר ו נ ג און ד ע נ ק ע ן, אָדער, וויא מען רופט עס אויף'ן פילאָזאָפישען לשון, דורך עמפּיריע און ספּעקולאציאָן. ביידע זיינען גלייך בערעכטיגט און זיי העלפען זיך געגענזייטיג. איינע אָהן דיא אנדערע וועט קיין מאָל ניט געבען א ריכטיגען בעגריף איבער דער נאטור און איהרע געזעצען. פון נאטירליך־וויסענשאפטליכען שטאנדפונקט צוטהיילען זיך אַלע פילאָזאָפישע ריכטונגען אין צוויי קלאסען: ד ו א ל י ס ט י ש ע און מ אָ נ י ס ט י ש ע. דער ערשטער, ד. ה., דער דואליזמוס, איז נאטירליך פערבונדען מיט דער אמונה, דער צווייטער רעפּרעזענטירט דיא מעכאנישע און מאטעריאליסטישע גרונד־בעגריפען. דער ד ו א ל י ז מ ו ס צוטהיילט דיא וועלט אין צוויי גאנץ פערשידענע סובסטאנצען: דיא מאטעריעלע וועלט און דער ניט־מאטעריעלער אָדער אידעאליסטישער גאָט, וועלכער ווערט בעטראכטעט אלס דער שעפּפער און רעגירער פון דער וועלט. דער מאָניזמוס דאגעגען ערקענט אין דער וועלט נאָר א י י ן איינציגע סובסטאנץ: „גאָט און נאטור", קערפּער און גייסט, שטאָף און קראפט זיינען אונצוטהיילבאר פערבונדען; איינע אָהן דיא אנדערע איז איין אונזין: דער דואליזמוס בעטראכטעט דעם מענשען אלס דעם „ענדציעל", אלס דאָס העכסטע בעשעפעניס, אלס איינעם, וועלכען גאָט האָט בעשאפען בצלם אלהים, האָט „אריינגעבלאָזען" אין איהם א נשמה, וועלכע בלייבט אין גוף נאָר פיר א קורצע צייט און פערלאָזט איהם נאכהער. ער, און נאָר ער, בעזיצט איין „אונשטערבליכע זעעלע".. דער גאָט ווידער איז פאָרגעשטעלט „בצלם האדם".

דער מאָניזמוס בעטראכט דיא וועלט (דעם יוניווערזום אָדער דעם קאָסמאָס) פיר אויביג, אָהן א ברעג און אָהן א גרענעץ. דיא סובסטאנץ מיט איהרע ביידע מעלות (מאטעריע און ענערגיע) פילט אויס דעם אונענדליכען רוים און בעפינדעט זיך אין איין אויביגער בעוועגונג. דיא בעוועגונג איז פון אויביג אָן אלס איין איינהייטליכע ענטוויקלונג. דיא אונצעהליגע וועלט־קערפּער, וועלכע פילען אָן דעם אונענדליכען רוים, זיינען אונטערוואָרפען דעם סובסטאנץ־געזעץ. וועהרענד איין טהייל פון יוניווערזום געהען לאנגזאם אונטער דיא ראָטירענדע (זיך דרייענדע) וועלט־קערפּער, ווערען אין איין אנדערן טהייל נייע וועלט־קערפּער געבילדעט. אונזער זון איז איינע פון די אונצעהליגע אונטערגעהענדע וועלט־קערפּער, גראדע אזוי וויא אונזער ערד איז איינער פון דיא אונצעהליגע אונטערגעהענדע פּלאנעטען. אונזער ערד האָט דורכגעמאכט א גאנץ לאנגען פּראָצעס פון אָפּקיהלונג ביז וואנען וואסער, וועלכע איז פריהער דורך דיא געוואלדיגע היטץ געוועזן פערוואנדעלט אין דאמפּף, האָט געקענט ערשיינען אין דיא פאָרם פון פליסיגקייט. דאָס איז געוועזן דיא ערשטע בעדינגונג, אז אָרגאנישע לעבען זאָל קענען זיך ענטוויקלען. איבער הונדערט מיליאָנען פון יאָהרען איז נייטיג געוועזן, אום דאָס אָרגאנישע לעבען, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען, זאָל זיך ענטוויקלען, ענדערען איהרע פאָרמען און אָננעהמען דיא געשטאללט און פערשידענהייטען, וועלכע מיר זעהען איצט. נאכדעם וויא פערשידענע ענדערונגען זיינען אָנגעגאנגען, האָט זיך ענטוויקעלט דער מענש פון איין מענשען־ארטיגע אפּפע.

דערפון איז צו זעהען, אז דיא זאָגענאנטע „וועלט־געשיכטע", ד. ה., דיא קורצע צייט פון עטליכע טויזענד יאָהר, אין וועלכע דיא קולטור־געשיכטע פון מענשען האָט זיך אָפּגעשפּיעלט, איז א י י ן א ו י ג ע נ ב ל י ק אין דער געשיכטע פון דער פּלאנעטען־סיסטעם.

דר. איזאַק אַרטמאַן

# אמעריקאנער מארד=פּאליטיק און דיא פיליפּינעס




ס· האלט ביי אן עלעקשאָן און דיא פּאָליטישענס פון ביידע הערשענדע פּארטייען וועלן א סך ריידען וועגען די פיליפּינעס. דיא רעפּובליקאנער וועלען דערציילען פון דער „וואָלטהעטיגער אסימילאציאָן", ווי די אמעריקאנער רעגירונג פּרובירט מיט גוטען צו מאכען אמעריקאנער פון דיא האלב־ווילדע פיליפּינער. און דיא דעמאָקראטען, וועלכע האָבען דאָ אין אמעריקא אוועקגענומען אלע פּאָליטישע און אפילו געוועהנליכע בירגער־רעכטע ביי צעהן מיליאָן פארביגע מענשען, ווילען זיך אָננעהמען פאר דיא קריוודע פון דיא פארביגע פיליפּינער, ווארום מען לאָזט זיי ניט ערוועהלען זייער אייגענע רעגיערונג.

אין דער סאָציאליסטישער פּרעססע שרייבט מען זעלטען וועגען דער פיליפּינער פראגע. איך גלויב, עס וועט דיא לעזער פון דיא „צוקונפט" גאָר ניט שאטען צו וויסען וויא אזוי דיא פרייע אמעריקאנער רעפּובליק האָט אונטעריאָכט און פערשקלאפּט דעם פיליפּינער פאָלק.

* * *

מיט א פּאָאָר יאָהר פאר דעם קריעג מיט שפּאניען האָט אין דיא פיליפּינעס אויסגעבראָכען א'ן אויפשטאנד געגען דיא שפּאנישע רעגיערונג. ער האָט זיך געצויגען א צייט לאנג, צום סוף האָבען זיך דיא פיליפּינער געמוזט אונטערגעבען. דיא שפּאנישע רעגיערונג האָט געלאָזען דיא פיהרער פון דעם אויפשטאנד עמיגרירען און זיי זיינען אוועק אין דיא ענגלישע קאָלאָניען סינגאפּור און האָנג־קאָנג. מיט א יאָהר שפּעטער, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דער אמעריקאנער קריעג מיט שפּאניען, האָט דער אמעריקאנער קאָנסול אין סינגאפּור צוזאמען מיט אדמיראל דיואי געשיקט נאָך אגינאלדאָ און אָפּגעמאכט מיט איהם, ער זאל מאכען א נייעם אויפשטאנד אויף די פיליפּינעס; מען האָט איהם צוגעזאָגט אז דיא יונייטעד סטייטס וועלען דיא פיליפּינער העלפען געווינען זייער אונאבהענגיגקייט. אמעריקא האָט דאָ אָקאָרסט ערקלערט קריעג געגען שפּאניען, כלומרשט צו בעפרייען קיובא, דיא פיליפּינער האָבען דיא ווערטער אָנגענומען פאר אמת. אגינאלדאָ מיט זיינע חברים זיינען געקומען אויף א'ן אמעריקאנער קריעגס־שיף קיין מאנילא. דאָרטען האָט אגינאלדאָ באלד צוזאמענגעבראכט א רעוואָלוציאָנערע ארמעע. דיא אמעריקאנער האָבען זיי געגעבען געוועהר, און דיא פיליפּינער האָבען געהאָלפען דיא אמעריקאנער קעמפּפען געגען שפּאניען. דערווייל האָט אגינאלדאָ אָרגאניזירט א רעגיערונג. דיא אמעריקאנער גענעראלען האָבען זיך געהאלטען צו דער פיליפּינער רעגיערונג וויא צו א פריינדליכע מאכט. „אָפיציעל" אָבער האָט זיי דיא אמעריקאנער רעגיערונג ניט אנערקענט. דיא וואשינגטאָנער רעגיערונג האָט געשריעבען צו איהרע פערטרעטער אין דיא פיליפּינעס, אז זיי זאָלען למען השם זיך האלטען זעהר אסטעראָזשנע, ווארום ווער וייס, וואָס עס קען זיך טרעפען! דיא פיליפּינער האָבען פון קיין קונצען ניט געוואוסט, און ווען דיא יוניטעד סטייטס און שפּאניען האָבען אויפגעהערט דיא מלחמה און געשיקט זייערע פערטרעטער קיין פּאריז וועגען שלום, האָבען דיא פיליפּינער אויך געשיקט זייערע דעלעגאטען. מען האָט זיי אָבער ניט צוגעלאָזען, און דיא יונייטעד סטייטס האָט אָבגעקויפט ביי שפּאניען דיא פיליפּינעס פאר צוואנציג מיליאָן דאָלאר.

פאר שפּאניען איז דאָס געווען א גאנץ גוטער שטיקעל געשעפט, ווארום זיא האָט שוין אין דיא פיליפּינעס איהר מאכט פערלאָרען. דיא יונייטעד סטייטס האָט דערמיט בעגאנגען א ניעדערטרעכטיגען שווינדעל: זיא האָט פּשוט אָבגענארט און פערראטהען דעם רעוואָלוציאָנערען פיליפּינער פאָלק, אָהן וועלכען עס איז נאָך א פראגע אויב דיא אמעריקאנער ארמעע וואָלט אזוי לייכט איינגענומען דיא פיליפּינעס. און ווען אפילו דיא אמעריקאנער וואָלטען אליין איינגענומען מאנילא, וואָלט דאָס זיי נאָך ניט געגעבען דאָס רעכט צו פערלאנגען דאָס גאנצע לאנד. און ווייטער שפּאניען וואָלט נאָך אויך אפשר ניט אזוי גיך איינגעוויליגט אָבצוטרעטען

א קאָלאָניע מיט אכט מיליאָן מענשען, ווען זיא וואָלט נאָך געהאט א שטיקעל מאכט אין דיא פיליפּינעס. עס קומט אויס אז דיא פיליפּינער האָבען דורך זייער אויפשטאנד געגען שפּאניען געגעבען דיא יענקים א טשאנס אריינצוכאפּען דאָס לאנד.

דער טראקטאט מיט שפּאניען איז אונטערשטיצט געוואָרען אי פון דיא רעפּובליקאנער אי פון דיא דעמאָקראטען, אפילו בריינען האָט געראטהען דיא דעמאָקראטען אין סענאט צו שטימען פאר דעם טראקטאט. ווען ער האָט הרטה געקראָגען איז שוין געווען נאָך אלעס.

אָבקויפען דיא פיליפּינעס ביי דער ארויסגעטריעבענער שפּאנישער רעגיערונג איז געווען גרינג, אריינצוקריגען זיי אבער אין דיא הענד איז געווען גאָר אנאנדער מעשה: דערווייל האָבען נאָך דיא פיליפּינער געהאט א רעגיערונג און א'ן ארמעע, און א חוץ דעם האָט דאָס גאנצע פאָלק געהאלטען מיט זיין אייגענער רעגיערונג. עס האָט זיך געמוזט אויסלאָזען מיט א בלוטיגען קאמפף און דיא אמעריקאנער האָבען גענומען אויפרייצען דיא פיליפּינער דורך אלערליי שפּיצלעך און ברוטאליטעט.

ענדליך, אין אָנפאנג 1899, האָט זיך אָנגעהויבען דער קריעג צווישען דיא „בעפרייעטע" פיליפּינער און זייערע אמעריקאנער „בעפרייער". עס מאכט ווייניג אויס ווער עס האָט געגעבען דעם ערסטען שאָס: דיא יענקים זאָגען, אז דיא פיליפּינער; פון דיא אָפיציעלע אמעריקאנער בעריכטען איז קענטיג אז עס איז געווען פונקט פערקעהרט, אָבער ווען אפילו דיא פיליפּינער זיינען געווען דיא ערסטע צו בעפאלען דיא אמעריקאנער פּאָליטישע זשוליקעס, זיינען זיי געווען גאנץ גערעכט.

דיא אמעריקאנער רעגיערונג האָט בעהויפּטעט אז זיא קען ניט איבערלאָזען דיא פיליפּינער זיי זאָלען זיך אליין רעגיערען, ווייל, פארשטעהט איהר, זיי זיינען ניט ציוויליזירט. דיא אמעריקאנער זיינען פערפּפליכטעט זיי פריהער צו „ציוויליזירען". וואָס דיא אמעריקאנער ציוויליזאטאָרען האָבען אין דער אמת'ן געהאט אין זינען, האָט פּראָסטערהייט אויסגעפּלוידערט א יונג, א סארדזשענט אין א בריעף וואָס ער האָט אריינגעשיקט אין א'ן אמעריקאנער צייטונג: „דאָס לאנד איז זעהר רייך, און מיר ווילען עס האָבען. מיין מיינונג וויא אזוי דאָס לאנד צו קריגען, איז אויסצושטעלען א פאָלק סאָלדאטען און אריינשיסען יעדען ניגער אין דעם ניגערשען גן עדן ארײן". דיא עצה האָט דער יונג געגעבען ניט מיט זיין אייגענעם שכל: דיא גאנצע מלחמה פון אָנהויב אָן איז געפיהרט געוואָרען אויף יענעם פּלאן. דיא אמעריקאנער האָבען גע'הרג'עט פרויען און קינדער און פערברענט דיא הייזער פון פריעדליכע איינוואָהנער. עטליכע וואָכען נאָך דעם וויא עס האָט זיך אָנגעהויבען דער קריעג, דעם 20טען מערץ 1899 יאהר, האָט א'ן אמעריקאנער סאָלדאט געשריעבען אין א בריעף, וועלכער איז געדרוקט געוואָרען אין א'ן אמעריקאנער צייטונג: „דיא שטאדט טיטאטיאַ האָט זיך איבערגעגעבען צו אונז מיט עטליכע טעג צוריק. נעכטען האָט מען געפונען איינעם פון אונזערע סאָלדאטען א דערשאָסענעם מיט א צושניטענעם בויך. דער גענעראל האָט תיכף געגעבען א'ן אָרדער צו פערברענען דיא שטאָדט און הרג'ענען יעדען איינוואָהנער. א'ן ערך טויזענד מענער, פרויען און קינדער זיינען אויסגעקוילעט געוואָרען".

ווען מען האָט זיך אזוי בעגאנגען מיט פריעדליכע איינוואָהנער, טאָ קען מען זיך שוין פאָרשטעלען וויא מען האָט בעהאנדעלט בעוואפענטע אינסורגענטען. דיא סאָלדאטען האָט מען געגעבען אָרדערס אז קיין געפאנגענע זאָל מען ניט נעהמען: געכאפּט, — דערשאָסען און א'ן עק. דער אונטערשיעד צווישען דיא אמעריקאנער בארבארען פון דעם צוואנציגסטען יאהרהונדערט און דעם מאָנגאָל טאמערלאן איז נאָר בעשטאנען דערין, וואָס טאמערלאן איז געווען איבערצייגט, אז וואָס מעהר מענשען ער וועט אויסקוילען, וועט ער רק זיין א גרעסערער העלד, און ער איז געווען שטאָלץ מיט דער גבורה פון זיינע סאָלדאטען; ווערענד דיא אמעריקאנער האָבען זיך בעהאלטען וויא געוועהנליכע באנדיטען. אויף דיא פיליפּינעס איז בעשטאנען א שטרענגע צענזור, פּונקט ווי אין רוסלאנד, און עס איז קיין צעהנטער טהייל ניט דערגאנגען אהער פון דעם וואָס עס האָט זיך דאָרטען אָפּגעטהאָן. אָבער אין גאנצען פערשטאָפּען דאָס מויל פון א'ן אמעריקאנער רעפּאָרטער ווען ער האָט א סענסיישאָן צו בעריכטען, איז אונמעגליך. קאָררעספּאָנדענטען פון אמעריקאנער צייטונגען האָבען פון אָנהויב אָן געמעלדעט, אז זיי האָבען אליין געזעהען וויא סאָלדאטען האָבען געקוילעט פערוואונדעטע פיליפּינער; עטליכע בעריכטען זיינען אריינגעקומען אין דיא צייטונגען דורך פּריוואטע

בריעף פון סאָלדאטען צו זייערע קרובים אין אמעריקא. דיא רעגיערונג איז געצוואונגען געווען צו מאכען א סלעדסטוויע. עס איז בעוויזען געוואָרען אז א קאפּיטאַן האָט געהייסען דערשיסען געפאנגענע פיליפּינער; א סאָלדאט איז זיך מודה געווען, אז ער האָט אליין דערשאָסען דיא געפאנגענע, ווען דער קאפּיטאַן האָט איהם געהייסען. וואָס איז געווען דער רעזולטאט? גענעראל אָטיס האָט געגעבען א'ן אָרדער אבצוגעבען פאַר סוד דעם סאָלדאט, וועלכער האָט אויסגעזאָגט פון חדר. מען האָט זיך באלד אָבער מישב געווען אז עס איז ניט קיין פּלאַן: „א פּראָצעס וועט אריינמישען א סך אונזערע, האָט ראַפּאָרטירט א פּאָלקאָווניק צו אָטיס'ען, גלייכער לאָזען דיא זאך צו רוה".

דער גענעראל האָט דיא געשיכטע געמעלדעט נאָך וואשינגטאָן, און דיא וואשינגטאָנער רעגיערונג האָט צוגעשטימט, אז מען דארף וועגען דער מעשה זיך מאכען ניט־ווייסענדיג.

עס איז אָבער געווען נאָהענט צום פּרעזידענטשאַל קאמפּיין פון 1900. דיא דעמאָקראַטישע צייטונגען האָבען זיך בענוצט מיט דיא בעריכטען פון דיא מערדערייען אין דיא פיליפּיפּינעס, צו אגיטירען געגען דיא רעפּובליקאנער רעגיערונג.

עס האָט זיך געפונען א געוועזענער אָפּיציער האָלל, פון קענזאס, וועלכער האָט אריינגעשיקט צו דעם גענעראל־אדיוטאנט קאָרבין א'ן אנקלאגע געגען פּאָלקאָווניק פונסטאָן (דעם העלד וואָס האָט שפּעטער אריינגעכאפּט אגינאלדאָ) און א מאיאָר מעטקאַף, אז זיי האָבען ארויסגעגעבען אָרדערס צו שיסען געפאנגענע. ער האָט ערקלערט, אז ער קען אָנגעבען נעמען פון געוועזענע סאָלדאטען און אָפּיציערען וואָס זיינען בערייט צו זאָגען עדות איבער דיא אנקלאגע.

דער קריעגסמיניסטער עליהו רוט האָט דאמאלס געאָרדערט א'ן אונטערזוכונג געגען דעם מאיאָר, און דאָס נאָר צו ער האָט געהייסען דערשיסען „איין געפאנגענעם", ניט איבערהויפּט צו ער האָט ארויסגעגעבען א'ן אָרדער צו הרג'ענען געפאנגענע. אי דער קלעגער, אי דער אָנגעקלאָגטער, אי די מייסטע עדות זיינען שוין געווען צוריק אין דיא יונייטעד סטייטס, אָבער דיא אונטערזוכונג איז געפאָדערט געוואָרען אין דיא פיליפּינעס. דיא אונטערזוכונגס־קאָמיטע איז בעשטאנען פון אָפּיציערען. איינער פון דיא עדות, אויף וועלכען דיא אנקלאגע האָט זיך בערופען האָט זיך דערווייל איבער א נייעס אָנגעגעבען פאר א סאָלדאט אין דיא פיליפּינעס. פריהער האָט ער געהאט געמאכט א'ן אפידייוויד, אז ער האָט אליין געזעהען, וויא דער מאיאָר האָט דערשאָסען א פיליפּינער, וועלכער איז געשטאנען אויף דיא קניע און האָט זיך געבעטען מען זאָל איבער איהם רחמנות האָבען. איצטער אָבער, אז מען האָט דעם סאָלדאט געבראכט פאר דיא אָפּיציערען, האָט ער אביסעל איבערגעביטען זיינע ווערטער: „דער מאיאָר איז טאקי געווען דערביי ווען אימיצער האָט געשאָסען דעם געפאנגענעם פיליפּינאָ, אָבער ער אליין, דער עדות, האָט בשעת מעשה געקוקט ערגעץ אָן א זייט און ער האָט ניט געזעהען, ווער עס האָט געשאָסען". איי, וואָס ער האָט פריהער געשוואָרען אנדערס, איז ער דעמאָלט געווען שכור. דיא אונטערזוכונגס־קאָמיטע האָט בעריכטעט צוריק קיין וואשינגטאָן, אז זיא האָט ניט געפונען קיין בעוויז „דאָס דער מאיאָר האָט דערשאָסען א געפאנגענעם פיליפּינאָ". דערמיט האָט זיך דיא געשיכטע געענדיגט. דערמיט האָט דיא רעגיערונג געגעבען צו פערשטעהן דער גאנצער אמעריקאנער ארמעע, אז מען מעג הרג'ענען געפאנגענע און פערוואונדעטע מענשען און עס וועט דערפאר גאָר ניט קומען.

דיא בארבארישע ארט וויא דיא אמעריקאנער האָבען געפיהרט דעם קריעג געגען דיא פיליפּיפּינער איז בעוויעזען דורך דיא אָפּיציעלע סטאטיסטיק וואָס דיא אמעריקאנער רעגיערונג האָט אליין פערעפענטליכט. אין א קריעג צווישען ציוויליזירטע נאציאָנען קומט אויס געוועהנליך א'ן ערך פיער — פינף פערוואונדעטע אויף איין גע'הרג'עטען. אזוי איז עס געווען אין דעם בירגער־קריעג און אין דעם ענגלישען קריעג געגען דיא בורען. ביי דיא פיליפּינער אָבער איז געווען פּונקט פערקעהרט: אויף יעדען פערוואונדעטען איז אויסגעקומען פיער — פינף גע'הרג'עטע.

דיא אמעריקאנער קולטור־טרעגער האָבען איבער־א־נייעס איינגעפיהרט אין דיא פיליפּינען דיא שפּאנישע אינקוויזיציאָן. דיא געוועהנליכע מעטהאָדע איז געווען דיא „וואסער־קור". א געוועזענער סאָלדאט האָט שפּעטער בעשריבען פאר א קאָמיטע פון דעם סענאט אין וואשינגטאָן וויא מען האָט געמוטשעט א פּרעזידענט פון א דאָרף, וועלכער האָט ניט געוואָלט אויסזאָגען וואו עס געפינען זיך דיא אינסורגענטען. מען

האָט דעם מאָן געבונדען און אוועקגעלעגט אונטער דעם קראַן פון א גרויסען פאס מיט וואסער. מען האָט איהם מיט געוואַלט געעפענט דעם מויל און גענומען גיסען איהם וואסער פון קראַן אין האַלז אריין. ווען זיין בויך איז געוואָרען פול, האָט מען מיט דיא פיס אויסגעקוועטשט צוריק דיא וואסער פון איהם און אָנגעהויבען איבער־א־נייעס דאָסזעלבע. דאָס האָט געדויערט עטליכע מינוטען. דיא גאנצע צייט איז א דאָלמעטשער געשטאנען ביי איהם צוקאָפּענס און האָט רק געזאָגט: „זאָג אויס“. דער מאָן האָט אָבער ניט געוואָלט אדער ניט געהאט וואָס אויסצוזאָגען. דעמאָלט האָט מען גערופען דעם וואָיענעם דאָקטאָר און ער האָט געהייסען דעם מאָן שטעלען צוויי קאנעס, איינע דורך'ן מויל און דיא אנדערע דורך'ן נאָז צו דערזעלבער צייט. ווען דיא רפואה האָט ניט געווירקט, האָט דער דאָקטאָר געהייסען אריינשיטען זאַלץ אין דיא וואסער. דאָס האָט געווירקט, דער אונגליקליכער מאן האָט אָנגעהויבען צו רעדען.

דיא וואסער־קיור איז געוועזען א געוועהנליכער מיטעל וועלכען מען האָט אָנגעווענדעט אלע מאָל ווען מען האָט געזוכט ארויסצוקריגען נאכריכטען פון דיא פיליפינער. דאָס איז אבער ניט געוועזען דער איינציגער מיטעל. איין אָפיציער האָט זיך מודה געוועזען, אז ער האָט געקאָרמעט ארערעסטירטע פיליפינער מיט געזאלצענע פיש אָהן א טראָפּען וואסער: „דיעזע דיעטע — האָט ער געשריעבען אין זיין פּאָקאָזאניע — האָט געהאט א'ן אויסגעצייכענטע ווירקונג. נאָך אכט־און־פערציג שטונדען האָבען זיי אויסגעזאָגט אויף זעכציג מענשען“. זיין פּאָלקאָווניק וועלכער האָט געפיהרט דיא סלעדסטווע, האָט רעקאָמענדירט אז מען זאָל דעם העלד פּריילאָזען, ווייל ער איז געוועזען „זעהר ענערגיש אין דער ערפילונג פון זיין פפליכט. ער האָט געהאנדעלט צום וואָהל און בעסטען פון דער ארמעע, אפילו ווען ער האָט געמאכט א פעהלער“...

און מען האָט איהם טאקע פריינעלאָזען!...

אנאנדער אָפיציער האָט איינגעשניטען א שטיק פלייש ביי איין ארעסטירטען, איינגעוויקעלט אין דערין א שפענדעל און צוגעבונדען דאָס צום פוס. דעם אפיציער האָט מען גאָר ניט געטראָן.

וועגען דעם בעריהמטען מאיאָר וואָלער, וועלכער איז שפעטער גע'משפט געוואָרען פאר דעם וואָס ער האָט אויסגע'הרג'עט מאססענווייז צעהן־יאָהריגע קינדער, איז בעריכטעט געוועזען אין א'ן אמעריקאנער צייטונג אין מאנילא אז עטליכע פיליפינער האָט ער לאנגזאם פערמאַרטערט צום טויט. מען האָט זיי צוגעבונדען צו דיא בוימער, געשאָסען זיי אין דיא פיס און איבערגעלאָזען זיי איבערנאכט צוגעבינדענערהייט. אויף מאָרגען איז מען ווידער געקומען און איבער־א־נייעס געטהאָן דאָסזעלבע. עטליכע פון זיי האָבען דאָס אויסגעהאַלטען פיער טעג נאָכאנאנד, ביז וואנען דער טויט האָט זיי בעפרייעט פון דער אמעריקאנער אינקוויזיציע. די זאך איז קיינמאָל ניט אונטערזוכט געוואָרען, די פּראָצעסען אָבער זיינען געוועזען ניט מעהר וויא א קאָמעדיע. צוויי אָפיציערען האָט דער קריגס־געריכט אנערקענט פאר שולדיג וואָס זיי האָבען אויפגעהאנגען אכט איינוואָהנער אויף צעהן סעקונדען, כדי זיי דערמיט צו צווינגען אויסצוזאָגען וואו עס זיינען בעהאַלטען אינסורגענטען. זיי זיינען פעאורטהיילט געוואָרען צו א „רעפּרימאנד“, דאָס הייסט, דער געריכט זאָל זיי אויסריידען אז עס פאסט ניט אזוי צו טהאָן.

יעדע מלחמה איז א בארבאריי, נאָר דיא מענשהייט איז נאָך ניט געקומען צו אזא מדרגה, אז זיא זאָל קענען אויסקומען אָהן מלחמה: וואָס איז א רעוואָלוציאָן ווען ניט מלחמה? אבער אזוי וויט האָט מען געדענקט איז מען שוין געקומען, אז דיא מלחמה ווערט געפיהרט נאָר געגען דיא פיינדליכע ארמעע, ניט געגען דעם גאנצען פאָלק. אבער דער קריעג אין כינא און שפעטער אין דיא פיליפינען האָט בעוויעזען, אז אלע כלומרשט ציוויליזירטע נאצאָנען זיינען נאָך געבליעבען דיזעלבע ווילדע וויא פארצייטען. וויא דיא אמעריקאנער האָבען געפיהרט דעם קריעג אין דיא פיליפינעס, האָט בעשריעבען פון דאָרטען א'ן אָפיציער'ס פרוי אין דעם פילאדעלפיא „לעדזשער“ דעב עלפטען נאָוועמבער 1901:

„אונזערע סאָלדאטען האָבען קיין רחמנות ניט געהאט. זיי האָבען גע'הרג'עט מענער, פרויען און קינדער, געפאנגענע, אינסורגענטען, און גלאט פערדעכטיגע פערזאָנען, אָנהייבענדיג מיט צעהן יעהריגע אינגלעך. זיי בעטראכטען א פיליפינאָ ערגער וויא א הונד. אונזערע סאָלדאטען האָבען אריינגעפומפט געזאלצענע וואסער אין דיא מענשען כדי דאדורך זיי צו צווינגען רעדען; זיי האָבען געכאַפּט פריעדליכע מענשען און מיט א שעה שפעטער, אָהן א שום בעוויז

אז דיא לייט זיינען אינסורגענטען, האָט מען זיי
געשטעלט אויף א בריק און דערשאָסען אייציג־
ווייז און געלאָזט דיא קערפּער שווימען, דערמיט
צו ווייזען א ביישפּיעל פאר אנדערע".

דיא אלע פאקטען זיינען פאָרגעלעגט געוואָ־
רען דעם 4טען פעברואר, 1902, אין א פּעטישאָן
צום סענאט, וועלכע איז אונטערשריעבען געוואָ־
רען פון א סך בעריהמטע שריפטשטעלער, פּראָ־
פעסאָרען און אנדערע פּראָמינענטע מענשען.
דער סענאט האָט אויפגעשטעלט א'ן אייגענע
אונטערזוכונגס־קאָמיטע, פאר וועלכער עס זיינען
פאָרגעלעגט געוואָרען א מאסע דאָקומענטען און
א סך בירגער האָבען געזאָגט עדות.

דיא פּראָטאָקאָלען פון דער אונטערזוכונגס־
קאָמיטע פארנעהמען א פּאָר טויזענד געדרוקטע
זייטען. איך וויל דאָ נאָר פּאָרברענגען צוויי
ביישפּיעלען, וועלכע בעווייזען דעם כאראקטער
פון דיא אמעריקאנער אָפיצירען און סאָלדאטען.

א ראָטע אמעריקאנער האָט געזוכט א פּילי־
פּינער אָפיציער, וועלכער איז ערגעץ געזעסען
בעהאלטען. וויא זיי זיינען אזוי געגאנגען דורך
א וואלד, זיינען זיי צוגעקומען צו א הייזעל,
וואו עס זיינען געווען צונויפגעקליבען א קאָמ־
פּאניע פּיליפּינער: מענער, פרויען און קינדער.
עס איז געווען פרעהליך און עס האָט אויסגעזעהן
וויא א התונה. דיא אמעריקאנער האָבען קיין
וואָרט ניט געזאָגט און באלד גענומען שיסען.
צוויי מענער און איין פרוי זיינען געפאלען
גע'הרג'עט, איין פרוי און צוויי קינדער זיינען
פערוואונדעט געוואָרען, דיא הויז האָבען דיא
אמעריקאנער העלדען פערברענט און זיינען זיך
אוועק צוריק אין לאגער. קיין איינציגער פון
דיא מערדער איז ניט בעשטראָפט געוואָרען.

אנאנדער עדות האָט דערצעהלט, וויא
א ראָטע סאָלדאטען זיינען געקומען אין א פריד־
ליכען דערפעל און האָבען געצוואונגען יעדען
איינוואָהנער פון דרייצעהן ביז פינף־און־פערציג
יאָהר צו ארבייטען עטליכע מאָנאטען אויסצו־
האקען דעם ארומיגען וואלד. דיא זונן פלעגט
ברענען ביי טאָג, און ביי נאכט איז געווען פייכט,
אָבער דיא מענשען האָבען ניט געהאט וואו צו
לעגען זיך אָפּרוהען; פאר נייניציג פערזאָנען
זיינען געווען סך הכל צוויי פּאלאטקעס, וואו עס
איז געווען פּלאַטץ נאָר פאר 16 אנידערצולעגען
זיך. זיי האָבען געבעטען, מען זאָל זיי כאָטש
געבען א ראָגאָזשע אונטערצובעטען, אבער
אפילו דאָס האָט זיי דער קאפּיטאן ענטזאגט.
און וועהרענד זיי האָבען געטהאָן שקלאפען־
ארבייט פאר דיא „ציוויליזירערס", האָט דער
קאפּיטאן ארויסגעשיקט סאָלדאטען זיי זאָלען
פערניכטען דיא רייז און פיש וואָס דיא איינ־
וואָהנער האָבען אָנגעגרייט פאר זיך, ווארום ער
איז זיי חושד געווען, אז זיי גיבען שפּייז צו דיא
אינסורגענטען.

אליהו רוט, דער גרויסער ניו יאָרקער לאָיער,
וועלכער איז דיא גאנצע צייט געווען קריעגס־
מיניסטער, האָט דאָס אלעס גאנץ גוט גע־
וואוסט; ווען דיא זאך איז אויפגעדעקט געוואָ־
רען ביי דער אונטערזוכונג אין סענאט, האָט ער
געטהאָן וואָס ער האָט נאָר געקענט צו פער־
דעקען דיא פערברעכען פון דער ארמעע. נאָר
דיא אמעריקאנער זאָגען דאך פּאָרט, אז זיי
זיינען א ציוויליזירטע נאציאָן, האָט מען נאטיר־
ליך געמוזט ווייזען פאר דער וועלט, אז פער־
ברעכער לאָזט מען ניט אונבעשטראָפט. מען האָט
אָבער גוט אויסגעקליבען דיא פערברעכער:
קיין איינציגער אָפיציר איז ניט פּראָצעסירט
געוואָרען פאר אָנגעוונדען פייניגונגען—דאָס איז
ווי עס שיינט ניט בעטראכט געווען אלס א פער־
ברעכען, דאָס איז מלחמה. צוויי אָפיציערען
זיינען פעראורטהיילט געוואָרען פאר רויב צו א
„רעפרימאנד""; דאָס הייסט: מען האָט זיי גע־
זאָגט: „שעמען זיא זיך, הערר קאָזאק". מאיאָר
וואָלער איז גע'משפט געוואָרען פאר מאָרד, וואָס
ער האָט געהייסען דערשיסען אונשולדיגע פּילי־
פּינער. אָבער דיא ריכטער זיינען געווען אייגענע
מענשען און מען האָט איהם ערקלערט ניט־
שולדיג. ווען ער איז געקומען צוריק אין דיא
יונייטעד סטייטס, האָבען זיינע לאנדסלייטע
אין נאָרפאָלק, אין סטייט ווירדזשיניא, איהם גע־
געבען א באנקעט און געשענקט איהם א'ן
עהרען־שווערד. ווירדזשיניא איז א דעמאָקראַ־
טישער סטייט; מיט פערציג יאָהר צוריק איז
ער אליין געווען אין אויפשטאנד געגען דיא רע־
גיערונג פון דיא יונייטעד סטייטס.

דער איינציגער פון דיא מערדער וועלכער
איז בעשטראָפט געוואָרען, איז געווען גענעראל
דזשייקאָב סמיט, וועלכער האָט ארויסגעגעבען
דעם בעריהמטען אָרדער אויסצוקוילען אין דער
פּראָווינץ סאמאר אלע זכרים עלטער פון צעהן
יאָהר. דאָס מיליטער־געריכט האָט איהם פער־
אורטהיילט צו דער שרעקליכער שטראָפע:
„טו בי אדמאָנישט", דאָס הייסט, מען זאָל איהם
אויפמערקזאם מאכען אז דאָס טאָר מען ניט.
רוזוועלט האָט איהם אויסגעשלאָסען פון דער
ארמעע. דיא גאנצע ארמעע אָבער האָט געהאל־

טען פאר סמיטה'ן. דער קאררעספאנדענט פון דעם „באכטאן העראלה" האט בעריכטעט וואס א'ן אפיציער האט איהם געזאגט אין דיא פיליפינען וועגען סמיטה'ס פאלל: „ווען דער אמעריקאנער פאלק איז איבערצייגט אז דיא צושטענדע וועלכע דיא פאליטיק פון דער רעפובליקאנער פארטיי האט פעראורזאכט, זיינען ניט אויסצוהאלטען, טו זאלען זיי פארדערן א חשבון פון יענער פארטיי. דיא רעגיערונג איז ניט געזעסען אין דער פינסטער. דער קריעגס־דעפארטמענט האט געמוזט וויסען וואס עס טהוט זיך, זאל מען נאכקוקען דיא לייט אין וואשינגטאן".

מען מוז צוגעבען, אז אין דערין איז דער אפיציער ניט גאנץ אונגערעכט. מיסטער עליהו רוט, דער מאן וועלכער האט געמאכט דעם נאמיניישאן ספיטש פאר רוזוועלט'ן אין שיקאגא, איז געוועזן מעהר שולדיג וויא זיינע ווערקצייג. נאך מיט א יאהר פריהער פאר גענעראל סמיט'ס פראצעס האט א רעפובליקאנער צייטונג געמעלדעט, אז דער קריעגסמיניסטער האט בעשלאסען „צו פערפאלגען אין דיא פיליפינען א פאליטיק פון אונטעריאכונג אהן קיין שום רחמנות. ווען דיא איינגעבארענע וועלען זיך ניט בויגען פאר דער רעגיערונג, וועלען זיי פערפאלגט און אויסגעקוילעט ווערען, ביז וואנען עס וועט ניט בלייבען קיין סימן פון ווידערשטאנד געגען דיא אמעריקאנער רעגיערונג. עס איז אונאנגענעהם, אבער נויטהווענדיג".

ווויא מען האט דאס געמאכט, האט שפעטער דערצעהלט גענעראל בעלל אין א'ן אינטערוויו מיט א רעפארטער פון דער „ניו יארק טיימז", דעם 3טען מאי, 1901: א זעקסט־חלק פון דער בעפעלקערונג פון לוסאן, האט ער געזאגט, זיינען גע'הרג'עט געווארען אדער אויסגעשטארבען פון קראנקהייטען וועהרענד דיא ערסטע צוויי יאהר פון דעם קריעג אויף דיא פיליפינען. דאס מאכט אויס זעקס־הונדערט טויזענד מענשען. א רעפובליקאנער קאנגרעסמאן, וועלכער איז געוועזן אין דיא פיליפינען מיט דריי יאהר צוריק, האט דערצעהלט אין אן אינטערוויו: „מען בונטעוועט ניט אין נארטהערן ליסאן, ווייל עס איז ניטא, ווער עס זאל בונטעווען זיך. דאס לאנד איז „אויסגערייניגט" געווארען אויף א זעהר ענטשיעדענעם אופן. דער אויבערשטער אין הימעל ווייס נאר וויפיעל פיליפינאס זיינען בעגראבען געווארען. אונזערע סאלדאטען האבען קיין געפאנגענע ניט גענומען: זיי האבען אויסגעקערט דאס לאנד וויא מיט א בעזים; וואו זיי האבען אנגעטראפען א פיליפינא, האבען זיי איהם דער'הרג'עט".

נאטירליך, אין אזא קאמפף האבען דיא פיליפינער ניט געקענט אויסשטעהן. דער אויפשטאנד געגען דיא אמעריקאנער איז דערשטיקט געווארען, און איצטער האבען מיר א גובערניע, וועלכע ווערט רעגיערט אויף א רוסישען פלאן. קיין קאנסטיטוציאן, קיין דזשורי, קיין פרעססרייהייט; א רעגיערונג פון אמעריקאנער טשינאווניקעס, וואס געגען זיי איז פאניע גנב א הונד. און דיא רעאקציאנערע אמעריקאנער פרעססע מיט דיא רעאקציאנערע פראפעסארען קוועללען פון פערגניגען, אז ענדליך האט מען אין אמעריקא אנערקענט דיא פאלשקייט פון דער דעקלערעישאן אוו אינדעפענדענס, אז אללע מענשען זיינען כלומרשט פריי און גלייך און אז על פי יושר מוז דיא רעגיערונג שטיצען זיך אויף דעם וויללען פון דעם פאלק, איבער וועלכען זיא רעגיערט. דאס זיינען אלץ פרעצעדענטען וועלכע מי קלייבט זיך צו בענוצען דא היע אין יונייטעד סטייטס. דיא ארמעע איז פערגרעסערט געווארען, דיא מיליץ איז דורך א נייעם געזעץ געשטעלט געווארען אונטער דיא קאמאנדא פון דעם פרעזידענט, און זיא מעג צו יעדער צייט אויפגעפאדערט ווערען פון איין סטייט אין א'ן אנדערען. דער פרעזידענט קען דורך דעם נייעם געזעץ אין א קורצער צייט ארויסשטעלען א האלבען מיליאן סאלדאטען. ווער עס איז דער פיינד פאר וועמען מען גרייט זיך, האט איהר פון קאלאראדא א ביישפיעל. סאלדאטסקער דעספאטיזמוס הויבט זיך שטענדיג אן פון דעם פרעמדען פיינד און פערברייטעט זיך שפעטער אויף דעם „אינערען פיינד".

* *

און דעם אמעריקאנער פאלק הארט דאס וויא דיא וואנט. מיט פיער יאהר צוריק האט דיא דעמאקראטישע פארטיי אנגענומען אן אנטי־אימפעריאליסטישען פלענק אין איהר פלאטפארם, אבער דיא וואוטערס זיינען געבליבען קאלט. אין 1902 האבען זיך דיא דעמאקראטען אליין אפגעקיהלט. וואס איז דיא האלטונג פון דער סאציאליסטישער פארטיי אין דער פיליפינער פראגע? דיא פלאטפארם דערמאנט זיא ניט. דער שטאנדפונקט פון דיא פארטיי־מעמבערס איז ערקלערט געווארען מיט פיער יאהר צוריק אין אן ארטיקעל פון דעבס'ן אין דעם „סאשעל־דעמאקראטיק־הערלד", וואו ער זוכט

צו בעווייזען, אז די פיליפינער פראגע און אנ־טי־אימפעריאליזמוס זיינען אלץ אזעלכע פרא־גען, וואס אינטערעסירען נאר די קאפיטאלי־סטישע קלאסע, פאר דער ארבייטער קלאסע זיי־נען זיי גאר זייטיגע זאכען. אויף דערויף איז נאטירליך פאראן א וויסענשאפטליכער פירוש. די אימפעריאליסטישע פאליטיק שטאמט פון דעם קאפיטאליזמוס, מחמת די קאפיטאליסטען זיינען געצוואונגען צו זוכען רק נייע מאר־קעטס: די פעקטארים וואקסען, מי פראדו־צירט רק מעהר וואארען, דעם ארבייטער גיט מען אבער נאר א טהייל פון דעם, וואס ער פרא־דוצירט, און יעדער פארשטעהט, אז מיט איין דאלאר קען מען ניט קויפען קיין סחורה אויף צוויי דאלאר. נו, ווען די ארבייטער קויפען ניט, טו איז שוין ניטא ווער צו פארקויפען אין דער היים, ווארים א חוץ די ארבייטער וויפיעל מענשען איז נאך פאראן — א הויפען קאפיטאליסטען? וואס קענען זיי פארצעהרען? אלזא בלייבט פאר זיי נאר צו זוכען א מארקעט אין אויסלאנד, און דערפון ווערן מלחמות. שריי געגען דעם הי־וקים, עס העלפט ניט. כל זמן עס בעשטעהט דער קאפיטאליזמוס, מוז ער זוכען נייע מארקעטס; על כן האבען מיר סאציאליסטען דעריבער ניט וואס צו דרעהען זיך די קעפ, עס וועט קומען די סא־ציאלע רעוואלוציאן, אונזערע געגנאסען וועלען בעקומען די רעגירונג אין זייערע הענד, דע־מאלט וועט קומען א סוף צו דעם אימפעריא־ליזמוס.

איך וויל דא וויט ניט אריינלאזען זיך אין די טעארעטישע פראגען. דאס וועל איך אפשר אן אנדערס מאל טהאן. קורץ געראדט, איז די גאנצע טעאריע פאלש. ערשטענס, איז אויסער ענגלאנד נאך ערגעץ די ארבייטער־קלאסע ניט קיין מאיאריטעט. אין אמעריקא געפינען זיך וויניגסטענס אזוי פיל פארמערס, — ניט גע־דונגענע פארם־ארבייטער, נאר בעלי־בתים — וויפיעל עס זיינען פאראן לאהן־ארבייטער; ווי־טער געפינט איהר א סך מעהר ווי א מיליאן קאפיטאליסטען, קרעמער און אלערליי ביזנעס־לייט. ווען אן ארבייטער פערלעבט צעהן דאל. א וואך און א ביזנעס־מאן פערלעבט — לאמיר זאגען וויניג — פופציג דאלאר א וואך, טו גיט אויס די מיטעלקלאסע אזוי פיעל ווי די גאנצע ארבייטער קלאסע. אלזא, געפינט זיך שוין א מארקעט אין דער־היים א חוץ דער ארבייטער־קלאסע? היינט נעהמט די זאך פון דער אנדער זייט: כדי די פיליפינער זאלען קענען קויפען אמעריקאנער וואארע, מוזען זיי דאך האבען געלד; פון וואנען־זשע זאל זיך ביי זיי נעהמען געלד? זיי מוזען פערקויפען זייערע וואארע, דאס הייסט, אין דעם וועלט־האנדעל פערקויפט מען וואארע פאר וואארע; ווען די אמעריקאנער קאפיטאליסטען האבען זיך כלומרשט ניט וואו אהינצוטהאן מיט זייער איי־גענע וואארען, טו וואס וועט זיי העלפען, אז זיי וועלען די אמעריקאנער וואארען אויסביי־טען אויף פיליפינער?

די גאנצע טהעאריע איז אונזין. די קא־פיטאליסטען זוכען צו פערכאפען פרעמדע לענ־דער, ניט כדי צו מאכען די אויסגעהונגערטע און אפגעשונדענע פיליפינער אדער טשיינעס פאר זייערע קונדען, נור צוליעב די מיינס, די לענדער. וועלכע זיי ווילען אריינקריגען אין זערע לאפעס און בעארבייטען מיט ביליגע הענד. עס איז ניט האנדעלס־פאליטיק, עס איז פשוט רויב־פאליטיק. און אין דעם רויב בע־טהייליגען זיך א חוץ קאפיטאליסטען נאך אנ־דערע באנדיטען, וואס ווילען גיך רייך ווערן. אין אמעריקא בעזאנדערס איז פאראן א גרויסע געזעלשאפטליכע קלאסע, די פאליטישענס, וועלכע האבען זיך דורך דעם רויב פארשאפט טויזענדער פאליטישע דזשאבס. די אמעריקא־נער רעפובליק האט בעטראטען דעם וועג פון דעם אלטען רוים. מיר האבען שוין היינט א געזעצ־ליכען אונטערשייד צווישען אמעריקאנער ביר־גער און אמעריקאנער אונטערטהאנען. מיר הא־בען פאר די פראווינציעס א רעגירונג דורך „פראקאנסולען“ און בודלער פון יעדער ארט. די פרייע אמעריקאנער רעפובליק האט בעווי־זען, אז א גאנצער פאלק קען פונקט אזוי אונ־טערדריקען א פרעמדען פאלק ווי די ערגסטע דעספאטישע מאנארכיע.

יצחק אייזיק בן אריה צבי.

# דיא גרויסע וועלט=דראַמע

זאָגט פראָמעטעאוס צו יופיטער דעם גאָט:
„איך זאָל דיר עהרען? פאר וואָס?
האָסטו דען דיא שמערצען געהיילט
א מאָל פון דער ליידענדען?
האָסטו דען דיא טרערען געשטילט
א מאָל פון דעם געפאלענעם?
וואָס האָט מיך צום מאן געבילדעט, אויב ניט
דיא אלמעכטיגע צייט
און דער עוויגער שיקזאל,
וועלכע זיינען מיינע הערען און דיינע“?
(פון געטהע’ס פראָמעטעאוס).

## פראָמעטעאוס דער ליכט־ברענגער.

ווען דער מענש האָט נאָך געלעבט אין דער צייט פון זיין קינדהייט, האָט שוין זיין פאָרשענדער געדאנק געזוכט די אויפקלערונג פון די גרויסע פראגען פון דער וועלט דראמא, דיא געהיימניספאָלע און אונפערשטענדליכע פראָבלעמען (אויפגאבען) פון דעם לעבען. דעם מענשענס גייסט איז געווען בעאונרוהיגט מיט דיא ערשיינונגען פון דעם קאָסמאָס (אלל־וועלט) און פון זיין סאָציאלען לעבען, וועלכע האָבען ניט געקענט איינשטימען מיט זיינע פאָרשטעלונגען פון גערעכטיגקייט. דאָס גאנצע מענשען־געשלעכט האָט געליטען פון אונוויסענהייט און נויט. די גרויסע מעכטע פון דער נאַטור פלעגען אונערוואַרטעט קומען און אונגליקליך מאַכען אונשולדיגע מענשען מיט פערפלייצונגען, מיט שרפות, מיט וואולקאנישע אויסברוכען, מיט שטורם־ווינדען א. ז. וו. ארום זיך האָט ער געזעהען, וויא א ברודער שטעהט געגען א ברודער: קין פערגיסט דאָס בלוט פון הבל’ן.

דאָס בלינדע „מזל“ גיט גליק און צופריעדענהייט דעם שלעכטען און אונגערעכטען, און פערקעהרט, דעם גוטען מענשען קומט דוקא אָן צרות און יסורים. ווען מען וויל און מען דאַרף לעבען, קומט פלוצלונג דער טויט, און ווען מען רופט דעם טויט, ציהען זיך אָהן א סוף דיא ביטערע, פינסטערע טעג. פאר וואָס איז דאָס אזוי? ווער האָט עס אזוי איינגעריכטעט? ווער בעשאפט דיזע דראַמאַטישע איבריגע און צוזאמענשטויסונגען אין מענשען’ס לעבען? איז דאָס לעבען א דראַמאַ, וואו יעדע ערשיינונג קומט דורך געזעצליכע אורזאכען? אָדער איז עס א שרעקליכע טראגעדיע, וואו יעדעס אונגליק קומט אָהן א פאר וואָס, דורך בּאַטאלע, אונאויפקלעהרבארע, דעמאָנישע מעכטע, וועלכע דער מענש קען ניט פערענדערן און אונטער וועלכע דער מענש דאַרף זיך גאָר אָהן שאלות אונטערוואַרפען?....

ניט נור דאַמאָלס אין דיא אלטע צייטען, זאָגאר יעצט זיינען דאָ זעהר ווייניג מענשען, וועלכע קענען זיך בערוהיגען מיט’ן ראַטה פון א פּאָעט־פילאָזאָף, וועלכער זאָגט:

„בליק אומהער, אָה פריינד, און זעה
זאָרגזאַם, וויא דער חכם זעהט:
וואָס פערגעהען מוז, פערגעהט,
וואָס בעשטעהען קען, בעשטעהט,
וואָס געשעהען וויל, געשעהט.....“

אין דער לעבענס־דראַמאַ, וויא מיר האָבען פריהער געזאָגט, האָט דעם מענשען זעהר געשראָקען דער טויט. אָבער דיא שטערבליכקייט האָט איהם געגעבען דעם ערשטען אימפּולס, דעם ערשטען שטויס צו דענקען פון אונשטערבליכקייט, גראַדע וויא דיא ענדליכקייט פון אלע זאכען, וואָס ער האָט געקענט אויפפאסען מיט זיין אויג, האָט איהם געפיהרט צו דענקען פון

אונענדליכקייט; דיא קורצע צייט פון זיין לעבען — צום בעגריף פון עוויגקייט, דיא אונבעשטענדליכקייט פון דעם מענשענס מיינונגען — צום בעגריף פון אזעלכע וואהרהייטען, וועלכע זאָלען זיין אבסאָלוט; דאָס הייסט אזעלכע וואהרהייטען, וועלכע זאָלען קענען בלייבען עוויג אונפערענדערט און ניט אבהענגיג פון מענשען'ס ענטוויקלונג און פראָגרעס, אזעלכע וואהרהייטען, וועלכע זאָלען בלייבען זעלבסטשטענדיג אָהן דעם מענשען'ס סוביעקטיווען „איך"....

דיא פאנטאזיע און פאָרשטעלונגס־קראפט פון מענשען זיינען איהם געקומען צו הילפע און האָבען איהם בעשאפען אזעלכע העכערע וועזענס, וועלכע זיינען אונשטערבליך, אזעלכע העכערע „עטוואָס'ען", וועלכע רעגיערען איבער דיא קרעפטע פון דער אלל־וועלט און האָבען דיא השגחה אויף דעם מענשען'ס שיקזאל און אויף דיא עראייגניסע פון זיין לעבען. געוויס, דיזע העכערע „עטוואָס'ען" האָבען ניט בעלאָנגט צו דעם ריעזען־פערזאָנאל פון דעם וועלט־טהעאטער און האָבען זיך ניט געקענט ערניעדריגען צו שפּיעלען ראָלען אין דיעזער גרויסער דראמא. זיי זיינען געוועזען דיא דירעקטאָרען און מענעדזשערס פון דיזען קאָלאָסאלען „שפּיעלהויז." וועמען זיי האָבען געהאלטען פיר א „סטאר", האָבען זיי געגעבען גרויסע „מארקען", און דיא „פּורציעס", דיא באהעלפערס, וויפיעל זיי האָבען זיך ניט אָנגעשטרענגט צו שפּילען, האָבען דאָך געקריעגען א מכה!

דער וואָס פערפאסט יעצט א דראמא, רופט זיך אווטאָר, און אויב זיין „פּלעי" געפעלט ניט, הייסט מען איהם באלד נעהמען דעם וועג. דיא וואָס האָבען פערפאסט דיא גרויסע וועלט־דראמא, זיינען גערעכענט געווען פאר דיא העכסטע אָטאָריטעטען, און צו אנערקענען זייער אונפעהיגקייט און הייסען זיי נעהמען דעם וועג, האָט זיך געפאָדערט פיעל צייט און פיעל קאמפף...

בעשטיטעלען דיא עקזיסטענץ פון אָטאָריטעטען קען מען נאָר מיט דאָגמען. דאָגמא איז א מיינונג, וועלכע ווערט מיט דער צייט פערשטיינערט. עס איז א מין אוקאז מיט דער אונטערשריפט פון אן אָטאָקראט: „ביט פּאָסעמו"... דאָגמען פערשמידען דעם מענשען'ס גייסט, ערלויבען איהם צו דענקען נאָר אין א געוויסען אופן און לאָזען ניט צו קיין שאלות אין פאָרשונגען.... אָבער וויא באלד דאָגמען פאנגען זיך אָן צו קריסטאליזירען, פאנגט אָן דעם מענשען'ס געדאנק צו אונטערזוכען און צו קריטיזירען. דער געדאנק שטרעבט זיך צו בעפרייען, און דער מענש טרעט ארויס מיט אן אָפּענעם פּראָטעסט. דער פאָרשטעהער פון פרייען געדאנק זעהט נאָר דעם קאָמישען אין לעכערליכען אויסדרוק פון דיא עקזיסטירענדע וועלט־אנשויאונגען און שטרעבונגען און דיא גאנצע וועלט בעטראכט ער אלס א גראנדיעזע קאָמעדיע. דאָס איז סקעפּטיציזמוס.

סקעפּטיציזמוס הייסט: דער מענש איז אין ספקות. ער צווייפעלט, ער גלויבט ניט מעהר אין דעם, וואָס מען האָט פריהער געגלויבט. ער פערשטעהט דיא אונגרינדליכקייט פון דיא הערשענדע מיינונגען און פאנגט אָן צו זוכען וואהרהייטען, אבסאָלוטע וואהרהייטען. ווען דיא אלטע מיינונגען זיינען צערשטערט, ווען דיא אנערקענטע אָטאָריטעטען זיינען אראָפּגעשמיסען פון זייערע טראָנען, און קיינע אבסאָליטע וואהרהייטען זיינען נאָך ניט געפונען; ווען אלע טעמפּלען פון גייסט בלייבען שטעהן לעער און אויף דיא גרויסע פראגען פון דער וועלט־דראמא געפינען זיך קיינע ענטפערען; ווען אלעס, וואָס איז געווען הייליג, איז פערשפּאָטעט און צו חוזק געמאכט און קיין נייעס הייליגטהום איז נאָך ניט ערפונדען — דאן פאנגען אָן דיא געפיהלען צו רעדען שטארקער פון'ם פערשטאנד, און דער מענש בעטראכט דאָס לעבען אלס א טרויעריגע, פאטאלע, שרעקליכע טראגעדיע — דאָס איז פּעסימיזמוס....

צום ביישפּיעל: נאָך דער גריכישער טראגעדיע איז געקומען דיא רוימישע קאָמעדיע און נאָך איהר דיא פאסיוויטעט פון קריסטענטהום. טויזענדער יאָהרען האָבען געדארפט אוועק ביז דאָס סאָציאלע לעבען האָט זיך ענטוויקעלט ביז דער דראַמאַ.

יעדע היסטאָרישע עפּאָכע פון דעם מענשען'ס גייסטיגע ענטוויקלונג פאנגט זיך אָן און ענדיגט זיך מיט סקעפּטיציזמוס. פון אנפאנג קומט דער סקעפּטיציזמוס פון אונוויסענהייט, וועלכער איז מעהר טראגיש, וויא קאָמיש. דיא מאסען אין יעדע געזעלשאפט זיינען קאָנסערוואטיוו און אונענטוויקעלט. דיא פאָרטגעשריטענע עלעמענטען פון דער געזעלשאפט האָבען שוין לאנג אָנגענומען און אנערקענט א גאנצע רייהע פון נייע מיינונגען, בעשליסע און איינפיהרונגען, און דיא מאסען צווייפלען נאָך. לאנגזאם ווערען דיא בעשליסע פיר אלע אונ־

צוזייפעלהאפט. עס ארבייט זיך אויס א גאנצער בארג פון גייסטיגע געזעצע און סיסטעמען; און אזוי וויא דער אידישער גאָט האָט אויפגעהויבען דעם בארג סיני איבער דיא קעפּ פון אידישען פאָלק און האָט זיי געצוואונגען צו זאָגען: „נעשה ונשמע (מיר וועלען פאָלגען און הערען)“, אזוי הויבען אויף אלע אָטאָריטעטען זייער בארג פון דאָגמען און בעשליסע איבער דיא קעפּ פון דיא מאסען. אָבער דיא מאסע שרייט נאָך „נעשה ונשמע“, און דער פרייער געדאנק פון מענשען פאנגט שוין אָן צו רעוואָלטירען. דיא מאסע דענקט נאָך, אז דאָס לעבען איז א טראגעדיע, און דיא קריטישע אויג קוקט שוין אויף'ן לעבען, וויא אויף א קאָמעדיע. עס געשעהט, וואָס מיר האָבען פריהער בעמערקט. — דער סקעפּטיציזמוס צושטערט דאָס אנערקענטע, דיא אלטע אָטאָריטעטען. דאן קומט א פעריאָדע פון פעסימיזמוס. יעדע היסטאָרישע עפּאָכע איז אן אקט פון דיזער גרויסער וועלט־דראמא. אין דיא אנטראקטען הערשט אונאָרדנונג, און א צוזאמענשטויס פון געדאנקען, אידעען און פאָרשטעלונגען.

אלע פעלקער האָבען פּאָעטישע לעגענדען און ערצעהלונגען וועגען טיטאַנען, גרויסע און טאפּפערע העלדען, וועלכע האָבען גענומען אויף זיך דעם קאמפּף געגען דיא דעספּאָטישע אָטאָריטעטען. דער גייסט פון אנטאגאָניזם, פון ווידערשפּרוך און פּראָטעסט, איז פערקערפּערט געוואָרען אין געוויסע מעכטיגע פּערזאָנען, פון וועלכע עס דערצעהלען אונז וואונדערבארע און שענע פאלקס־דיכטונגען....

* * *

ביי דיא גריעכען האָט דער שטרייט פון דיא שוואכע שטערבליכע מיט דיא מעכטיגע אונשטערבליכע געפיהרט דער געטליכע פּ ר אָ מ ע ט ע א ו ס. ער איז אליין געוועזען א גאָט און דערפאר זיינען דיא אויסדריקע פון זיין פּראָטעסט און פון זיין סקעפּטיציזמוס געוועזען מעכטיגער. ער האָט ערקלערט דיא געטער אן אָפענעם קאמפּף און איז ארויסגעטרעטען אלס א פערטהיידיגער און בעשיצער פון דיא שוואכע, אָרעמע מענשען, וועלכע האָבען געליטען פון דער אונגערעכטיגקייט און דעספּאָטישען ווילען פון דיא געטער. ער איז געוועזען דער פאָרשטעהער פון פרייען געדאנק און האָט געוואגט צו פערניינען דאָס, וואָס אלע האָבען געהאלטען הייליג און העכער פון קריטיק.

ביי דיא א ז י א ט ע ן, וועלכע זיינען פויל און אָבגעשוואכט פון דיא קלימאטישע און אנדערע פיזישע אומשטענדען, אין וועלכע זיי לעבען און פון וועלכע זיי ווערען גענייגט מעהר צו פאטאלע אנשויאונגען — ביי דיא אזיאטען האָט דער סקעפּטיציזמוס געפיהרט, וויא מיר האָבען פריהער ערצעהלט וועגען דעם לעהרער ב ו ד ד א, צור זעלבסט־פערניינונג, צו דער נ י ר ו ו א נ ע. ביי דיא געזונדע און מונטערע גריעכען איז בעשאפען געוואָרען א מונטערער און געזונטער סקעפּטיציזמוס, א מעכטיגער און בעדייטענדער פּראָטעסט געגען דעם, וואָס האָט געשיינט אונגערעכט צו זיין, געגען דעם, וואָס מאכט דאָס לעבען פיר א טראגעדיע. דיא רייכע און פּאָעטישע פאנטאזיע פון דיא גריעכען האָט פּראָדוצירט א מיטהאָלאָגישען קעמפּפער פּראָמעטעאוס. דיזע וואונדערבארע שעהנע און אינהאלטס־רייכע פאָלקס־לעגענדע וועגען דעם גרויסען גערעכטיגקייטס־קעמפּפער, אין וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט דיא וועלט־אנשויאונג פון דיא גריעכען און א געוויסע ריכטונג פון זייער געדאנק, — דיזע שעהנע לעגענדע איז דראמאטיזירט געוואָרען פון דעם גרויסען גריכישען דיכטער און פילאָזאָף ע ס ח י ל אָ ס.

דיא מערקווירדיגע דראמא פון עסחילאָס מיט'ן נאָמען „פּראָמעטעאוס“ איז א וועלט־דראמא, ניט נור דערפאר, ווייל עס איז א קלאסישעס זשעניאלעס ווערק, עס איז א וועלט־דראמא,, ווייל עס רעפּרעזענטירט א גרויסע היסטאָרישע עפּאָכע פון מענשענס לעבען, ווייל אין איהר ווערט מיט העלע פילאָזאָפישע און פּאָעטישע פארבען געשילדערט דיא עוויגע שטרעבונג פון דעם מענשען'ס געדאנק צור פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט.

פּראָמעטעאוס, דיזער מעכטיגער טיפּ פון קאמפּף און פּראָטעסט, האָט בעגייסטערט דיא גרעסטע דענקער און פּאָעטען דער וועלט. פון איהם האָבען גערעדט אלע דיא גרויסע מענשען, וועלכע האָבען זיך אינטערעסירט מיט דיא פּראָבלעמען פון אונזער לעבענס־דראמא.

וועגען איהם האָבען פילאָזאָפירט און געזונגען, אייסער עסחילאָ'ן, סאָקראטעס און פלאטאָ, זשיאָרדאנאָ ברונאָ און קאמפּאַנעללאָ, הערדער און פיכטע, שעללי און באַיראָן, געטהע און היינע.

אין דער מיטהאָלאָגי, אין דער געטער־געשיכטע פון אלע פעלקער, אין דער סקאנדינאווישער „עדדא“, אין דער אידישער ביבעל, אין

די אלטע לעגענדען פון גריעכענלאנד, אין דער „זענדאוועסטא“, אין די „וועדא“ און „ריגוועדען“ פון די אָריענטאלישע פעלקער, — אייבעראל האָט דער לעבהאפטער געדאנק פון מענשען געשאפען א סקעפּטישען עלעמענט, א מאכט פון אנאליז, אלס א געגענזאץ צו די זעלבסטערי'טענדע אָטאָריטעטען, צו דאָגמען און טראדיציאָנען. דער פרייער גייסט פון דעם אמ'ערליגען מענשען האָט זיך ניט אימער אָהן פּראָטעסט אונטערוואָרפען אונטער דעם יאָך פון שקלאפעריי, און ער האָט געמורמעלט געגען די „אויבערשטע“... איהם האָט געקרענקט, פאר וואָס זיינע קרעפטען זיינען בעשרענקט, זיינע שטרעבונגען צום גליק געהינדערט, זיינע ווינשע ניט ערפילט. און דיזע גייסטיגע ריכטונג זיינע האָט אימער אויסגעדריקט א פאנטאסטישער קעמפפער, — א גאָט־רעוואָלוציאָנער, א העלד, א פערניינער און פּראָטעסטאנט! מיט זייערע ליפּען האָט די מענשהייט איינגעשפּראָכען איהר אונצופרידענהייט. פּראָמעטעאוס איז דער ערשטער סקעפּטיקער פון'ם אלטען גריעכישען פאָלק. דאָס איז די ערוואכונג פון דעם ערשטען געדאנק צו רופען דעם מענשען פון זיין פאסיווען צושטאנד צו אקטיוויטעט.

אָט איז אין קורצען דער אינהאלט פון דער לעגענדע וועגען פּראָמעטעאוס: דער שטאָלצער און אלמעכטיגער גריעכישער גאָט צ ע א ו ס, דער אויבער־קאָמאנדיר פון אלע געטער, האָט מיט פעראכטונג און גרויזאמקייט בעהאנדעלט דאָס מענשען־געשלעכט. די שמערצען פון'ם מענשען, זיין נויטה און ארמוטה האָבען איהם, אלס העכערען, אלס ניט אינטערעסירט. זיין הערשענדע מאכט האָט ניט געוואוסט פון קיין בעשרענקונגען און זיין לוסט האָט ניט געדולדעט קיין הינדערניסע. ער האָט געוואָרפען דונערען און בליצען אויף די קעפּ פון אלע אונגעהאָרכזאמע. דאָס מענשען־געשלעכט איז געזעסען אין דער פינסטערניס, אָהן פ י ע ר און אָהן ל י כ ט, און דארום האָבען זיי ניט געוואוסט פון קיין אינדוסטריע און קיין קונסט. דאָס ליכט איז געווען אין די הימלען ביי צעאוס'ן. פּראָמעטעאוס האָט ניט געקענט פערטראָגען אזא אָרדנונג. ער איז אָפען אויפגעשטאנען געגען זיין „אויבער־גאָט“ און די גאנצע פמליא של מעלה. ער האָט אוועקגענומען ביי די הימלען דאָס פייער און האָט עס איבערגעגעבען צו די ליידענדע מענשען. דאָס הימלישע פייער האָט זיי געגעבען דאָס ליכט פון וויסענשאפט און קונסט, האָט געפיהרט צור ענטוויקלונג פון פערשיעדענע נוצליכע האנדווערקע און אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען — א שריט פון פאסיוויטעט צו אקטיוויטעט, פון טראגעדי צו דראמא. פּראָמעטעאוס האָט געאָפּפערט זיין אייגענעם גליק, אום גרינגער צו מאכען דעם שיקזאל פון מענשען'ס לעבען. ער האָט געקעמפּפט פיר די שוואכע, ליידענדע מענשען און פיר די פערוואָרפענע גערעכטיגקייט.

דער אידישער אלמעכטיגער גאָט י ה ו ה האָט אויך ניט פערגונען דעם מענשען די פריכטע פון ע ץ ה ד ע ת און ע ץ ה ח י י ם, וועלכע האָבען געוואקסען אין זיין אייגענעם פארק, אין גן עדן. דער אידישער פּראָטעסטאנט איז א מין נחש, א שלאנג, א שטן, אן איבערריידער און פערפיהרער, גאָטס פערזענליכער שונא. יהוה אויך צו להכעים האָט דיזער שטן איינגערעדט חוה'ן, די ערשטע פ ר ו י, די מוטער פון מענשען־געשלעכט, ארויסצוטרעטען געגען דעם ווילען פון'ם אלמעכטיגען און ניט פאָלגען זיינע אונגערעכטע פּאָדערונגען. ח ו ה האָט געגעסען פון די פערבאָטענע פירות און האָט נאָך איהר מאן א ד ם'ן אויך געגעבען צו עסען. דערפון איז געקומען דער גרויסער „זינדען־פאל“ פון מענשליכען געשלעכט און זיינע שרעקליכע רעזולטאטען—דער טויט... די פרוי איז געווען די מוטער פון מענשען. זיא איז געווען די מוטער און אורזאכע פון טויט. אין דער גרויסער וועלט־דראמא האָט די פרוי געשפּיעלט די הויפּט־ראָלע, און זיא האָט פערארזאכט די שרעקליכע אויפלעזונג און ביטערע ענדע. די ערשטע דראמאטיסטין פון דער וועלט, וויא איהר זעהט, איז געווען מאדאם חוה אדם'ס.... וועגען דיזער לעגענדע פון זינדען־פאל, דעם טויט, דעם קאמפּף פון די געפאלענע מלאכים מיט יהוה און וועגען דער אויפגאבע פון דעם שפּעטערן פּראָטעסטאנט געגען אלטע דאָגמען, י ש ו ע ה נ ו צ ר י, און די אלע קריסטליכע גרויסע וועלט־דראמען, וועלכע זיינען אויף דיזער טהעמא געשאפען געוואָרען, וועלען מיר ריידען שפּעטער. יעצט קעהרען מיר זיך אום צוריק צו דער גריעכישער לעגענדע וועגען פּראָמעטעאוס.

די גריעכישע וועלט־דראמא ווערט אויך ניט געשפּיעלט אָהן א דראמאטיסטין. די

„פרוי“ האָט דאָ אויך צו שפּילען א גרויסע און פּעראנטוואָרטליכע ראָללע. ניט פּראָמעטעאוס אליין איז געוועזן א רעוואָלוציאָנער געגען דעם גרויסען צעאוס. זיינע סקעפּטיישע אנשויאונגען זיינען אויך איבערגעגאנגען צו זיינע צוויי ברידער ע פּ י מ ע ט ע אָ ס און א ט ל א ס. זיי ווערען אויך אויפגעבראכט אויף דער אונגערעכטער אויפפיהרונג פון דעם מלך מלכי המלכים און זיי ווערען אויך רעוואָלוציאָנערען. צעאוס בעשטראָפט דיזע הימלישע ניהיליסטען גרויזאם, ווי א וואהרער הימעל־צאר.... פּראָמעטעאוס ווערט דורך דער געטליכער אדמיניסטראציאָן פערשיקט אויף דיא וויסטע בערג פון ק א ו ק א ז, וואו ער ווערט צוגעשמידט צו א פעלז מיט אייזערנע קייטען און וואו אן אָדלער קומט טאָג־טעגליך און עסט זיין לעבער, וועלכער וואקסט יעדען טאָג אָב צוריק... דער איינגעהאָרבזאמער אטלאס ווערט בעשטראָפט דערמיט, וואָס מען ווארפט ארויף אויף זיינע פּלייצעס דיא הימלען, און ער מוז עוויג האלטען אויף זיך דעם גאנצען רקיע השמים. אטלאס האָט געוואגט צו שיקען זיין מורמעל געגען דעם הימעל און זיינע איינוואָהנער, און דערפאר מוז ער נעביך עוויג שטעהן מיט דיזער שווערער לאסט אויף דיא שולטערן.... און ווען ער וועט פאלען אונטער זיין שווערער משא וועט צוזאמען מיט איהם איינשטירצען דיא גאנצע הימלישע געטער־סיסטעמע.... וואָס פאר א גרויזאמע שטראָף! דעם רעוואָלוציאָנער צווינגען אונטערצוהאלטען דעם טהראָן פון'ם מאָנארך!.....

פיר דעם דריטען ברודער עפּימעטעאָס האָבען די געטער אויסגעפונען דיא ערגסטע שטראָף: זיי האָבען בעשאפען פון זיינעטוועגען א ווייב.... דיזע פרוי, מיט'ן נאָמען פּ א נ ד אָ ר א, איז בעשאפען געוואָרען פון אלע עלעמענטען פון דער מוטער ערד. און ווייל דיא דריי ברידער זיינען ארויסגעטרעטען אלס פריינדע און פערטהיידיגער פון דעם מענשען'ס געשלעכט, האָט „דיא פרוי“ פּאנדאָרא זיי געבראכט אלע קראנקהייטען, אלע חולאת'ן און שמערצען, פון וועלכע מענשען ליידען יעצט. פּאנדאָרא'ן האָבען מיר צו פערדאנקען, וואָס מיר האָבען אזוי פיעל דאָקטאָרען, דענטיסטען און אפּטייקערס.....

פּראָמעטעאוס'ן האָט זעהר געקרענקט, פאר וואָס דיא געטער אליין זיינען אונשטערבליך און דעם מענשען'ס לעבען איז אזוי קורץ. יעדענפאלס, אום גרינגער צו מאכען און צו פערבעסערען דעם מענשען'ס לעבען, האָט ער צוזאמענגעקליבען אלע קראנקהייטען און ווייטאָגען און האָט זיי פערשפּארט אין א שקאטולקע, וועלכע ער האָט פערזיגעלט מיט זיין חתימה. דיא פרוי פּאנדאָרא, וועלכע איז בעשאפען פון אלע עלעמענטען דער ערד, האָט זיין זיעגעל אויפגעבראָכען און האָט צוזעעט און צושפּרייט צווישען דעם מענשען־געשלעכט אלע חולאת'ן, אלע קראנקהייטען... אלעס וואָס איז געוועזן אין דיזער וואונדערליכער שקאטולקע, איז אויסגעפלויגען. אויף'ן דעק איז נאָר געבליבען איין זאך, דאָס איז: דיא האָפנונג...

אין דער גרויסער דראמא פון עסחילאָס'עס „פּראָמעטעאוס“ זיינען אין א פּאָעטישער און פּילאָזאָפישער פאָרם אויסגעדריקט דיא שטרעבונגען, דיא אויפגאבע און דער קאמפּף פון דיזען געטליכען קעמפּפער, דיזען פאָרשטעהער פון מענשליכען גייסט, וועלכער שטרעבט צו פרייהייט און וואהרהייט.

פּראָמעטעאוס איז צוגעשמידט צו איינע פון דיא פעלזען פון דיא קאווקאזער בערג. אָדלערס צועסען יעדען טאָג זיין לעבער, זיינע אינעווענינגקייטען, גראדע אזוי וויא דיא אינערע וועלט פון יעדען אידעען־קעמפּפער ווערט צוגעסען פון צווייפעל און זעלבסט־אנאליז. אָבער דער איינערער קאמפּף פון יעדען טיטאן און גרויסען קעמפּפער איז פערבאָרגען פון דיא ארומיגע, און דיא קייטען, מיט וועלכע דיא גאָטהייט שמידט איהם צו דיא פעלזען פון אלטע טראדיציאָנען, קענען ניט פערשמידען זיין געניאלען געדאנק און זיין פרייען גייסט. דער וואהרער קעמפּפער איז און בלייבט דער זשעני פון פּראָטעסט! דיא געטליכע אייגענשאפטען פון צעאוס זיינען: געוואלד, קייטען, גרויזאמקייט. דיא געוועהר פון פּראָמעטעאוס זיינען דער קריטישער געדאנק און דיא שטרעבונג צו דער פרייהייט. צעאוס זיעגט, אָבער פּראָמעטעאוס טריאומפירט....

בעדייטענד און אינהאלטסרייך איז די סצענע אין עסחילאָס דראמא, וואו עס ווערט געשילדערט, וויא צום איינגעשמידעטען טיטאן קומט דער רודף שלום'ניק, דער גאָט ק ר אָ ט אָ ס, וועלכען צעאוס האָט געשיקט צו מאכען אן ענדע פון קריעג. מיט קראָטאָס'ן ערשיינט דער כאָר, וועלכער שטעלט פאָר דיא עלעמענטען פון דער בעגרענצטער מיטעלמעסיגקייט און אונווירדיגע פּראקטישע האלטונג.... זיין מעסיג

און פּראקטיש — ניט שטרעבען צו קיינע פער־ענדערונגען און ניט קריגען זיך מיט דיא אָטאָ־ריטעטען — דאָס פּראָפּאַגאַנדירט שטענדיג דער אונדענקענדער, צופריעדענער רודף שלום־ניק דעם אונרוהיגען קעמפּפער....

אין עסחילאָס דראמא שפּיעלען דיא ראָללע פון דיזע פּראקטישע ראטהגעבער קראַטאָס און דער באַר; אין דעם אידישען בוך „איוב" שפּיעלען דיזע ראָללען זיינע דריי פריינדע; אין „האמלעט" שפּיעלט דיזע ראָללע פּאָלאָניוס; אין „פאוסט" — דער פיליסטער וואגנער. קראַטאָס גיט צו פערשטעהן פּראָמעטעאוס'ן, וויא נאריש עס איז צו שטרייטען מיט דעם, ווער עס איז מעכטיגער פון אונז, און ראטהעט איהם זיך צו ענטזאגען פון זיינע איבערצייגונ־גען און מאכען פרידען מיט צעאוס'ן. דער באַר און קראַטאָס ווידערהאָלען איהם דיא בע־קאנטע פּרינציפּען פון פּאָליציי־מאָראל: „מיט א שטארקערען פון דיר פאנג זיך ניט אָן און מיט א רייכערען פערקריעג זיך ניט...."

ניט דער אלמעכטיגער צעאוס אליין און ניט זיין שליח מיוחד קענען פערשטעהן, וואָס איז עס פאר א שכל זיך אָנצונעהמען פיר קליינע אונווירדיגע מענשעלאַך און וואָס קען דערפון געווינען דער אינשטערבליכער פּראָמעטעאוס. נאָך וואָס דארפען דיזע שוואכע ברואים דאָס ליכט פון וויסען און אויפקלעהרונג? זייער גאנצעס לעבען איז איין אויגענבליק און אַלע זייערע שטרעבונגען זיינען אנשטרענגונגען פון מילבען!.... און ווען זאָגאר פּראָמעטעאוס'ן זאָל געלינגען צו פערבעסערען דאָס לעבען פון דיזע פעראכטעטע ברואים, וואָס וועט איהם ארויס־קומען, וואָס פאר אן אינטערעסע האָט ער דערביי?... איז כדאי צו ליידען דערפאר, וואָס דיזע מילבען, וועלכע רופען זיך מענשען, וועלען האָבען ליכט און פייער?

פּראָמעטעאוס דענקט אָבער ניט פון פּראָ־פיט און פערזענליכע אינטערעסען. ער זעהט אונטערדריקטע און וויל זיי בעפרייען. זיי זיי־נען פרעמדע, זיי זיינען ווייט פון דעם געטליכען קעמפּפער, אָבער ער טהוט עס ניט צוליעב פריינדשאפט, ער טהוט עס אין נאָמען פון גע־רעכטיגקייט און פרייהייט. ער זעהט שוואכע און קומט זיי צו הילפע מיט זיין מאכט. ער זעהט פאסיווע מענשען און וויל זיי מאכען אקטיוו. ער אנערקענט ניט דיא אָטאָריטעטען, וויל ניט בלינד זיי פאָלגען, צווייפעלט, אויב דאָס, וואָס עקזיסטירט, מוז בלייבען אין אזא מיזעראבלען צושטאנד. ער איז בעאונרוהיגט פון דיא אלע צרות, וועלכע פאלען אויף דיא ליידענדע הילפלאָזע און אונשולדיגע. ער שטימט ניט איין מיט דער מיינונג פון דיא „אויבערשטע", אז פייער און ליכט דארפען בלייבען אין דיא הימלען, ווען דער אָרימער מענש זיצט אין דער קעלט און אין דער פינ־סטער, און ער רופט צום קאמפּף און פּראָטעכט! זיין סקעפּטיציזמוס שוינט ניט דעם אלמעכטי־גען צעאוס'ן און אלע טראדיציאָנען, אויף וועל־כע ער שטיצט זיך. פּראָמעטעאוס וויל בע־פרייען דעם פערמידעטען געדאנק און אויפמונ־טערן דעם דערשראָקענעם מענשליכען גייכט. פון זיין מעכטיגען סקעפּטיציזמוס ציטערט דער טהראָן פון צעאוס, און פיר דיא געטער בלייבט וועניג פּלאץ אין דיא הימלען. מיט א געוואגטע האנד האָט ער צו דיא מענשען דאָס ליכט פון דיא הימלען ארונטערגעטראָגען און צו דיא גע־טער האָט ער זיך געווענדעט, וויא דיא פאנ־טאזיע פון גרויסען דיכטער שטעלט עס פאָר מיט דיזע ווערטער:

„געטער! איך בין קיין גאָט!
אונד בילדע מיר זאָ פיעל איין אַלס איינער.
אונענדליך? אלמעכטיג? —
וואָס קענט איהר?
קענט איהר דען ווייטען ראַום
דעם הימעלס אונד דער ערדע
מיר באַללען אין מיינע פויסט?
פערמעגט איהר צו שיידען
מיך פון מיר זעלבסט?...."

יעקב גאָרדין

# דיא הפקר=וועלט אין קאָלאָראַדאָ

ווען מען לעזט דיא בעריכטען וועגען די שרעקענס־הערשאפט אין דיא מינען־דיסטריקטען פון שטאאט קאָלאָראדאָ, גלויבט זיך גאָר ניט, אז דאָס קען פּאָרקומען אין א רעפּובליק, וועלכע שטאָלצירט אזוי מיט איהר קאָנסטיטוציאָן, מיט איהרע פּאָליטישע פריהייטען, מיט איהר פעדעראטיווער אָרגאניזאציאָן, אום צו געבען וואָס מעהר זעלבסט־פערוואלטונג דעם פּאָלק.

עס דוכט זיך, ווי איז דאָס מעגליך, דאָס אין אזא פרייער רעפּובליק זאָל מען קענען ארעסטירען, ארויסיאָגען, פּייניגען און זאָגאר מערדערן בירגער אָהן שום דין ומשפט, איינפאך „אדמיניסטראטיוונים פּאָריאדקאָם“, און נאָך אפילו מיט וועניגער צערעמאָניעס און מעהר רציחה וויא אין רוסלאנד; עס דוכט זיך, וויא איז דאָס מעגליך, דאָס א גאנצער פרייער שטאאט זאָל דערלאָזען א הייפּעלע מינען־אייגענטהימער טרעטען אונטער דיא פּיס דיא קאָנסטיטוציאָן און פייפען אויף אלע געזעצע, אום אויסצופיהרען זייערע רויבערישע צוועקען; עס דוכט זיך, וויא איז דאָס מעגליך, אז דיא גאנצע געזעצגעבונג פון א שטאאט זאָל אונטערגעקויפט ווערען, אז דער גובערנאטאָר, וואָס איז ערוועהלט געוואָרען צו בעשיצען דיא אינטערעסען פון פּאָלק, זאָל קענען האנדלען געגען אלע געזעצע און זיך פיהרען וויא א דעספּאָט, וויא א'ן עכטער רוסישער גובערנאטאָר; עס דוכט זיך, וויא איז דאָס מעגליך, אז דיא מיליץ, די מיליטערישע מאכט פון שטאאט, זאָל איינפאך *פערדונגען ווערן* צו דיא מינען־בעזיצערס, אום צו אונטערדריקען, שטיקען און ווערגען דיא אונגליקליכע מינען־ארבייטער; עס דוכט זיך, וויא איז דאָס מעגליך, אז דיא ריכטער זאָלען געבען זייער הסכמה אויף אזעלכע אונגעזעצליכע האנדלונגען; עס דוכט זיך, וויא איז דאָס מעגליך, אז דער פּרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען זאָל זיך ניט אריינמישען, אום צו בעשיצען דיא אָפּפער פון דעם טעררָאר פון דיא מינען־בעזיצער, און זאָל אפילו ניט ענטפערן אויף דיא פּעטיציאָנען און קלאגען פון דיא קרבנות; עס דוכט זיך, וויא איז דאָס מעגליך, אז ביידע גרויסע פּארטייען פון לאנד, דיא רעפּובליקאנישע און דעמאָקראטישע, האָבען אויף זייערע קאָנווענציאָנען, וואו זיי האָבען אויסגעקליבען זייערע קאנדידאטען פיר פּרעזידענט און אָנגענומען זייערע פּלאטפּאָרמען (פּראָגראמען) האָבען קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגען דעם — אָבער דאָס זיינען אלץ פאקטען, טרויעריגע, הערצרייסענדע פאקטען, וועלכע זיינען בעשטעטיגט געוואָרען אין קאפּיטאליסטישע צייטונגען און זאָגאר אין אָפּיציעלע דאָקומענטען און בעריכטען!

יא, וויא מען זאָל זיך ניט וואונדערן, נאָר א וואהרע הפקר־וועלט הערשט שוין א יאָהר צייט אין קאָלאָראדאָ, א הפקר־וועלט, וועלכע ווארפט א בלוט־רויטהען שיין אויף דער גאנצער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט און צייגט, וויא ווייט אונזער „פרייע“ רעפּובליק איז בעהערשט פון דעם אלמעכטיגען דאָלאר, וויא ווייט זיא איז שוין *אין ארענדע* ביי אלץ א קלענערער צאָהל פינאנץ־קעניגע, וויא ווייט דיא פערשריענע דעמאָקראטיע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען איז אומגעוואנדעלט געוואָרען אין א פּלוטאָקראטיע (הערשאפט פון רייכע).

לאָמיר זעהען, וואָס דיעזע פאקטען לערנען אונז, לאָמיר ווארפען א בליק אויף דיא ערשטוינענדע און גרויליכע פּאסירונגען אין קאָלאָראדאָ.

אין 1899 איז אין דער לעדזשיסלייטשור (שטאאט פּארלאמענט) פון קאָלאָראדאָ ענדליך דורכגעפיהרט געוואָרען א געזעץ, אז אין אלע מינען פון דיזען שטאאט זאָל מען ניט ארבייטען מעהר וויא אכט שטונדען. יאָהרענלאנג האָבען דיא אָרגאניזירטע און אויפגעקלערטע ארבייטער אגיטירט ביז עס איז זיי געלונגען צו צווינגען דיא לעדזשיסלייטשור אָנצונעהמען זייער פּערלאנג. נאָר דיא מינען־מאגנאטען, וועלכע זיינען נאטירליך געוועזען געגען אזא געזעץ, וואָס האָט בעשרענקט זייער עקספּלואטאציאָנס־פרייהייט, האָבען זיך דאן געווענדעט צום סופּרים־קאָרט (העכסטען געריכט) פון שטאאט אויף דעם גרונד, דאָס דיזער געזעץ איז אונקאָנסטיטוציאָ־

נעל, דאָס הייסט : אין ווידערשפּרוך מיט דער קאָנסטיטוציאָן. דיא ענטשיידונג פון דיזען געריכט איז געווען צו גונסטען פון דיא מינען־בעזיצער, און דער אכט־שטונדען געזעץ איז אזוי בטל געוואָרען אין קאָלאָראדאָ, אָבוואָהל עהנליכע געזעצע עקזיסטירען און זיינען געריכטליך אנערקענט אין אנדערע שטאאטען און אָבוואָהל אפילו דיא סופרים־קאָרט פון גאנץ יונייטעד סטייט (דער העכסטער געריכט אין דער רעפּובליק) האָט ערקלערט קאָנסטיטוציאָנעל אָדער געגעבען זיין הסכמה אויף א׳ן עהנליכען געזעץ, וואָס איז איינגעפיהרט געוואָרען אין דעם שטאאט יוטאה.

דיא ארבייטער האָבען דאן געפאָדערט, אז מען זאָל אזוי ענדערן דיא קאָנסטיטוציאָן פון שטאאט, דאָס דיא ריכטער זאָלען שוין קיינע דריידלאָך און פּשט׳לאָך ניט קענען מאכען צו ערקלערן דעם אכט־שטונדען געזעץ אונקאָנסטיטוציאָנעל. זיי האָבען אזוי ווייט געווירקט אין דיזער גערעכטער פאָדערונג זייערע, דאָס אין 1902 האָבען דיא בירגער פון שטאאט אָבגעשטימט מיט א מאַיאָריטעט פון 46,714, אז דיא לעדזשיסלייטשור זאָל אָננעהמען א׳ן אכט־שטונדען געזעץ פיר אלע ארבייטער, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין דיא מינען פון קאָלאָראדאָ. אלע מיטגליעדער פון דער לעדזשיסלייטשור האָבען הייליג געשוואָרען צו שטימען פיר דיזען געזעץ, וויא באלד נאָך דער „רעפערענדום־וואוט“, דאָס הייסט : דיא דירעקטע אָבשטימונג פון פאָלק וועט זיין צו גונסטען פון דיזען גערעכטען פאָרשלאג ; אבער זיי האָבען דאָך זייער שבועה געבראָכען און געפייפט אויף דעם ווילען פון פאָלק !... דיא זיצונגען פון דיזער לעדזשיסלייטשור זיינען געשלאָסען *אָהן א׳ן אָבשטימונג* פאר דעם אכט־שטונדיגען געזעץ איינפאך דערפאר, ווייל דיא מינען־קאָמפּאניעס האָבען קיין געלד געזשאלעוועט *אונטערצוקויפען דיא געזעצגעבערס*, א פאקט וואָס פאסירט אלץ עפטער און אָפטער אין אונזער „גאָלדענער רעפּובליק“. ווען נאָר דיא טראָסטס און פינאנץ־מאגנאטען האָבען א׳ן אינטערעס צו בעגראָבען א געזעץ־פאָרשלאג.

נאָך דיזער שענדליכער און פערברעכערישער האנדלונג פון דיא מינען־בעזיצער און פון דיא געזעצגעבערס איז דיא ארבייטער קיין אנדער געזעצליכער מיטעל ניט געבליעבען אויסצופיהרען זייער גערעכטע פאָדערונג, וויא נאָר צו סטרייקען. דאָס איז געשעהען אין 1903 און דאן האָט זיך עס אָנגעפאנגען דיא שרעקענס־הערשאפט, וועלכע האלט נאָך אָן מיט דער הילפע פון דיא מיליץ און פון באנדעס געדונגענע האלז־שניידערס און סטרייק־ברעכערס.

דיא מינען־בעזיצער האָבען זיך צוזאמענגעבונדען צו פערניכטען אום יעדען פּרייז „דיא וועסטערן מיינערס פעדעריישאָן“, דעם צענטראל־פערבאנד פון מינען־ארבייטער אין דיא וועסטליכע שטאאטען, און איבערהויפּט יעדע טרייד־יוניאָן, און זיי פיהרען עס דורך אויף אזא גרויזאמע ארט, וויא אין רוסלאנד. פּיבאָדי, דער גובערנאטאָר פון שטאאט, איז זייערער, דיא ריכטערס זיינען זייערע, דיא מיליץ איז אונטער דער קאָמאנדע פון זייערע גענעראלען און אָפיצירען, דיא גאנצע פערוואלטונג פון דיא מינען־דיסטריקטען ליגט אין דיא הענד פון זייערע אגענטען — און דיא ארבייטער זיינען הילפלאָז געגען אזא אָרגאניזירטע קלאסען־טיראניי : זיי האָבען זיך ניט צו ווענדען צו וועמען וועגען שוטץ, דען דיא גאנצע באטארייע פון קאפּיטאליסטען־שטאאט איז אויסגעשטעלט געגען זיי.

מען פערפאָלגט זיי און מען יאָגט זיי פון אלע זייטען אזוי וויא ווילדע חיות. ניט נאָר ארעסטירט מען רעכטס און לינקס ארבייטער, וואָס זיינען מיטגליעדער פון יוניאָנס, נאָר אויך זייטיגע מענשען, וועלכע סימפּאטהיזירען מיט דיא אָפּפער, און זאָגאר דיא *אדוואָקאטען* וואָס „דיא וועסטערן מיינערס פעדעריישאָן“ האָט געשיקט צו פערטהיידיגען דיא אונגליקליכע, וועלכע מען האלט וואָכען־לאנג פערשפּארט אין דיא זאָ־גענאנטע „בולל־פּענס“ (אָבצאמונגען פאר אָקסען) און וועלכע מען שיקט נאכהער ארויס פון שטאאט פּאָ עטאפּו אונטער א וואך פון מיליץ אויף דעם בעפעהל פון דעם אָבער־קאָמאנדיר, וואָס פיהרט אויס דעם פערלאנג פון זיינע בעלי־הבתים, דיא מינען־בעזיצער, מיט אזא רציחה, אז א קאָזאצקער גענעראל האָט געמעגט ביי איהם לערנען פּעטשערעס. דיא אָפּפער ערלויבט מען אפילו ניט צו זעהען זיך מיט זייערע פאמיליען איידער מען שיקט זיי ארויס פּאָ עטאפּו... אזוי ווייט געהט דיא גרויזאמקייט פון דיא קאפּיטאליסטישע הערשער, וועלכע ווילען ניט הערען פון יוניאָנס, אום ארויסצושלאָגען נאָך מעהר זילבער און גאָלד פון דיא קהל׳שע מינעס, וועלכע זיי האָבען פערכאפּט און ערקלערט פאר זייער „הייליגע“ פּריוואט־אייגענטהום !

דערצו נאָך האָבען דיזע הויטשינדערס אָרגא־

ניזירט א זאָ־גענאנטע „סיטיזענס אלליענס (בירגער פערבאנד)", וואָס פערפאָלגט אויף יע־דען שריט דיא יוניאָן־ארבייטער און זייערע פריינדע אונטער געשרייען: „טויט צו דיא יוניאָנס!" דיזע מערדערישע באנדעס בעשטע־ען פון סטרייק־ברעכערס, שכירים, געוועזענע ארעסטאנטען און שפּיאָנען, וואָס דיא מינען־מאגנאטען האָבען געבראכט פון פיעלע ערטער ארום און וואָס זיינען צוגעשיקט געוואָרען פון אגענטורען, וועלכע האָבען דיא ספּעציעלע אויפ־גאבע צוצושטעלען סקעבס און בויאנעס, און אויך פון א געוויסע צאָהל בירגער, מייסטענס קליינע קרעמערס, וועלכע האָבען א פּערזענליכען אינטערעס צו צושטערען דיא יוניאָנס פון דיא מינען־ארבייטער. זייער אינ־טערעס האָבען דיא קרעמערס גלייך ארויסגע־ציינט אין דעם, דאָס זיי האָבען צושטערט דיא פּאָאָר קאָאָפּעראטיווע מאַגאזינען, וואָס דיא „וועסטערן מיינערס פעדעריישאָן" האָט גענומען איינפיהרען, אום דיא ארבייטער זאָלען קריגען בעסערע און ביליגערע לעבענס־מיטעל! זיי העלפען יעצט דיא מינען־אייגענטהימער, ווייל זיי האָבען מורא פאר דיא קאָנקורענץ פון קאָאָפּעראטיווע מאגאזינען, וועלכע וועלען זיך זיכער פערמעהרען, ווען נאָר דיא יוניאָנס וועלען זיין שטארק און גוט אָרגאַניזירט.

אבער דאָס איז נאָך אַלץ וועניג פאר דיא מינען־בעזיצער. אום צו פערדעקען זייערע אייגענע אונגעזעצליכקייטען, רציחות און פערברעכען און ארויסצושטעלען דיא מיטגליעדער פון דיא „וועסטערן מיינער פעדעריישאָן" אין א שלעכטען שיין, אָרגאַניזירען זיי אין געהיים פערשווערונגען צו צושטערען אייגענטהום און צו מערדערן מענשען. זיי שרייען איבערהויפּט, אז דיא טרייד־יוניאָניסטישע מינען־ארבייטער זיינען געפעהרליכע מענשען, באנדיטען, וואָס מען מוז אויסראָטען און יעדענפאלס פעריאָגען, אום אויסצומיידען מרידות אין שטאאט און צו האַלטען אָרדנונג אין דיא מינען. דאָס טהוען זיי, אום צו נאררען דעם זייטיגען עולם וועגען זייערע צוועקען צו פערשקלאווען דיא מינען־ארבייטער, און צו האָבען א תירוץ אויף דיא קלאגען געגען דיא שרעקענס־הערשאפט, וואָס זיי האָבען איינגעפיהרט מיט בלוטיגע הענד. צוערשט האָבען זיי בעדארפט האָבען א'ן אויסרייד צו קריגען דיא מיליץ, דיא מיליטערישע מאכט פון שטאאט צו בעשיצען „זייער" אייגענטהום; נאכהער האָבען זיי בעדארפט האָבען א תירוץ פאר זייער גאָווערנאָר צו ערקלערען בעלאגערונגס־צושטאנד אין דיא מינען־דיסטריקטען, וואו סטרייקס האָבען אויסגעבראָכען; ווייטער האָבען זיי אויך געדארפט האָבען „אורזאכען" צו ארעסטירען און ארויסצושיקען טרייד־יוניאָניסטען און איבערהויפּט פערזאָנען, פון וועלכע זיי האָבען געוואָלט פּטור ווערען.

דארום האָבען זייערע אגענטען געקראָגען בעפעהלען ארויסצורופען א שיבעריי, אינטערצינדען אָדער אויפרייסען ערגעץ דיא רעלסען פון איין אייזענבאהן־ליניע, אום ארויפצוואַרפען א בלבול אויף דיא ארבייטער. מיט דער בעשרייבונג פון אזעלכע אטענטאטען און פערברעכען קען מען אָנפילען א גאנצען בוך. ¹ ¹

דאָ וועט גענוג זיין צו בעמערקען, דאָס אלע ארבייטער, וואָס מען האָט ארעסטירט אויף דעם אויסגעטראכטען חשד, אז זיי האָבען עס בעגאנגען דיא פערברעכען, זיינען פריי געשפּראָכען געוואָרען אין געריכטען. ביי איינעם פון אזעלכע פּראָצעסען איז אונבעשטרייטבאר בעוויעזען געוואָרען, אז צוויי אגענטען פון דיא מינען קאָמפּאניעס מיט דיא נעמען מעק־קיני און בעקמאַן האָבען עס אויפגעריסען דיא רעלסען אין א געוויסען פּונקט פון דער „פלאורענס און קריפּפּל קריק ריילראָוד" איידער א צוג איז דורכגעפאָהרען. זיי האָבען זיך אליין געמוזט מודה זיין אין דעם פערברעכען, פאר וועלכען מען האָט ארעסטירט און פּראָצעסירט א געוויסע צאָהל מיטגליעדער פון דער יוניאָן!...

עס איז אן אלטע געשיכטע, דאָס די געהיים־פּאָליציי אָרגאניזירט אָפט אטענטאטען, אום פון איין זייט צו צייגען, אז מען מוז איהר האָבען, און פון דער אנדער זייט צו קענען ארעסטירען רעוואָלוציאָנערען און איבערהויפּט „אונגעווינ־

*) א סך העכסט אינטערעסאנטע און בעלעהרענדע פאַקטען וועט דער לעזער געפינען אין דעם ביכעל „דיא אַרבייטער מלחמה אין קאָלאָראַדאָ", וואָס גע־נאָסע ב. הענפאָרד, וועלכער איז געפאָהרען דאָרטען מאַכען א'ן אונטערזוכונג אין נאָמען פון דער סאָ־ציאַליסטישער פאַרטיי, האָט אָנגעשריעבען און וואָס ווערט יעצט איבערזעצט אין זשאַרגאָן אין דער „אַרבייטער וועלט", דעם אָרגאַן פון דיא פעראייניג־טע אידישע געווערקשאפטען פון ניו יאָרק.

טשע" פערזאָנען. דיא באנדעס האלז־שניידערס און שפּיאָנען, וואָס דיא מינען־בעזיצער האָבען געדונגען צו בעוואכען דיא טרייד־יוניאָניסטען און אויף זיי אומצוברינגען ביי א געלעגענהייט — דאָס איז נִיט א'ן איבערטרייבונג: פיעלע פאקטען צייגען, אז סטרייקערס און איבערהויפּט טרייע טרייד־יוניאָניסטען זיינען קאלטבלוטיג נידערגעשאָסען געוואָרען פון דיא געדונגענע באנדיטען — זיינען ניט א'ן אויסנאהמע פון דעם כלל. אזוי וויא דיא סטרייקערס האָבען זיך געהאלטען מערקווירדיג רוהיג דיא גאנצע צייט, טראָטץ דעם וואָס מען האָט זיי גרויזאם פערפאָלגט און געפייפט אויף אלע געזעצע פון שטאאט, האָבען דיא שפּיאָנען נאטירליך געזוכט אנצומאכען א גערודער און צו פאבריצירען אטענטאטען, ניט נאָר אום צו שעדיגען דיא סטרייקערס, זאָנדערן אום צו קענען אנהאלטען זייערע פלעצער און לעבען א גוטען טאָג אויף דעם געלד, וואָס זיי קריגען פון דיא מינען־מאגנאטען.

דאָס אללעס איז נויטהיג צו נעהמען אין אנבעטראכט ביי אזא שרעקליכען אטענטאט, וויא דיא־דינאמיט־עקספּלאָזיאָן אין אינדעפּענדענס (קריפּפּל קריק דיסטריקט), ווען א געוויסע צאָהל מינען־גרעבערס, מייסטענס סקעבס, האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון דער ארבייט. דאָס האָט פּאסירט דעם 6טען יוני פון דיזען יאָהר, און 14 מענשען זיינען געטויטעט געוואָרען און אונגעפעהר אזוי פיעל זיינען פערוואונדעט געוואָרען.

ווער האָט בעגאנגען דיזען שרעקליכען פערברעכען? דאָס ווייס מען נאָך ניט ביז היינטיגען טאָג, דען דאָס איז א געהיימניס פון דיא באנדיטען אין דעם דיענסט פון דיא מינען־מאגנאטען. נאָר דיא שולד האָט מען נאטירליך גלייך ארויפגעוואָרפען אויף דיא סטרייקערס, און מען האָט ניט נאָר ארעסטירט רעכטס און לינקס „פערדעכטיגע" און ארויסגעשיקט פאָטאפּו עטליכע הונדערט פערזאָנען, זאָנדערן מען האָט אויך געצוואונגען אלע בעאמטע פון דיסטריקט, וועלכע האָבען ניט נושא חן געווען ביי דיא מינען־מאגנאטען און ביי זייער „סיטיזענס אליענס" צו רעזיגנירען, אויב זייער לעבען איז זיי טהייער. דיא פיהרערס פון דער „סיטיזענס אלליענס" זיינען געקומען מיט שטריק אין דיא הענד צו אזעלכע בעאמטע און האָבען זיי געסטראשעט איינפאך אויפצוהענגען, אויב זיי וועלען ניט „פרייוויליג" רעזיגנירען. דער שעריף ראָבערטסאָן, דער קאָראָנער דאָראן, דער סיטי־מארשאל גראהאם און נאָך א דוטצענד בעאמטע האָבען דאן געטהאָן, וואָס מען האָט זיי געהייסען. אויף זייערע פלעצער האָט מען גלייך אנגעשטעלט טרייע אגענטען פון דיא מינען־מאגנאטען און „ווירדיגע" מיטגליעדער פון דער „סיטיזענס־אלייענס". מען האָט אויך מיט געוואלט ארונטערגעזעצט דיא אָלדערמען און אָרגאניזירט א נייע שטאָדט־פערוואלטונג אין אינדעפּענדענס. איינער פון דיא בעאמטע, מיט וועלכען דיא „סיטיזענס אללייענס" איז ניט געווען צופריעדען, ווייל מען האָט איהם חושד געווען אין פריינדליכקייט אָדער אין מענשליכקייט צו דיא טרייד־יוניאָניסטען, א געוויסער פריינק מאניקס, דער רעקאָרדער פון דעם טעללער־דיסטריקט, איז געווען מוטהיג גענוג ניט צו רעזיגנירען, אָבוואָהל מען האָט איהם עטליכע מאָל געסטראשעט צו שיקען אויף יענער וועלט; אָבער שליסליך האָט ער געמוזט פערלאָזען דעם דיסטריקט אונטער א מיליטערישער וואך, ווייל ער האָט מורא געהאט, דאָס מען וועט איהם פאנגען און ניעדערשיסען אזוי וויא דיא באנדיטען פון דיא מינען־בעזיצער האָבען עס געטהאָן מיט עטליכע מינען־ארבייטער, וועלכע זיינען געפונען געוואָרען ערמאָרדעטע אין פערוואָרפענע ווינקעלעך פון דיא בערג...

אָט אזוי פיהרט מען איין „אָרדנונג" אין א טהייל פון דער „פרייער" רעפּובליק! אָבער צו וואָס, פרעגט זיך, האָבען דיא מינען־מאגנאטען מיט זייערע געדונגענע און פרייוויליגע קנעכט ניט אנדערס געוואָלט מאכען א גאנצע איבערקעהרעניס, א שטאאטס־שטרייך אין דיא מינען־דיסטריקטען און אָנשטעלען נור זייערע אייגענע בעאמטע? האָבען זיי דען ניט געקענט אָנהאלטען זייער טעררָאר, זייער שרעקענס־הערשאפט אזוי ווי ביז דער עקספּלאָזיאָן אין אינדעפּענדענס? ווארום האָבען זיי מיט אמאָל געקראָגען אזא מיסטרויען צו אלע געזעצליכע בעאמטע, וועלכע האָבען סיי וויא סיי גאָר ניט געטאָן אין ניט געקעט טאָן גענגען דיא מערדערישע האנדלונגען פון דער מיליץ?

אויף דיזע פראגען איז נאָר דאָ איין אנטוואָרט. און דאָס איז, אז דיא מינען־מאגנאטען מיט זייער „סיטיזענס אללייענס" האָבען געוואָלט ניט נאָר פערדעקען דיא ריכטיגע פערברעכער, דיא באנדיטען

וועלכע האָבען אויפגעריסען דיא סטאַציאָן אין אינדעפּענדענס, זאָנדערן אזוי פּאבריצירען בעשולדיגונגען געגען דיא אונשולדיגע ארבייטער, וועלכע שמאכטען יעצט אין דיא „בולל־פּענס", דאָס אויך דעם געריכט זאָל מען ניט קענען דערגעהן דעם אמת און ניט קענען פרייזשפּרעכען דיא אָנגעקלאָגטע, וויא דאָס איז געוועזען דער פאל מיט דיא פריהערע אטענטאטען. דערצו האָבען דיא בלוטיגע פערשווערער און שווינדלערישע פערברעכער געמוזט האָבען די גאנצע פערוואלטונג פון דיסטריקט אין זייערע מערדערישע הענד, אז אללעס זאָל געהען וויא געשמירט, אז אלע בעאמטע זאָלען זאָגען און טאָן, וואָס מען וועט זיי הייסען און זיך ניט פּלאָנטערן און ברעקלען ביי דעם קרייז־פערהער אין געריכט. קורץ, זיי האָבען געוואָלט אָפּראַמען פון וועג אלעס, וואס וואָלט זיי געקענט מאכען דיא מינדעסטע שטערונג אין דער דורכפיהרונג פון זייער מערדערישען פערשווערונגס־פּלאן צו פערקלאָגען אין מאָרד בעאמטע פון דיא „וועסטערן מיינערס יוניאָן" און צו צייגען, אז דיא סטרייקערס זיינען באנדיטען און מערדערס, ווי זיי הערען עס ניט אויף צו שרייען אין זייערע צייטונגען און בעריכטען, און אז מען מעג דארום טהאָן מיט זיי וואָס מען וויל און וואָס מען טהוט טאקי אין קאָלאָראַדאָ.

האָפענטליך וועט דיא מינען־מאגנאטען פון קאָלאָראַדאָ דאָך ניט געלינגען דורכצופיהרען זייער טייפעלשען פּלאַן געגען דיא „וועסטערן מיינערס פעדערייישאָן", וועלכע האָט ארויפגעצויגען אויף זיך זייער צאָרן ניט נאָר דערמיט, וואָס זיא האָט אָרגאניזירט דיא מינען־ארבייטער פון קאָלאָראַדאָ און אָנגעפיהרט דעם קאמפּף פיר א'ן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג אין דיא מינען, זאָנדערן אויך דערפאר וואָס זיא האָט אָנגענומען א סאָציאַליסטישע ריכטונג. דער גובערנאטאָר פּיבאָדי האָט עס אָפען צוגעגעבען אין איינער פון זיינע פּראָקלאָמאציאָנען. ער האָט אונפערשעהמט ערקלערט, אז ער וויל אויסראָטען דיא סאָציאַליסטען פון „זיין" שטאאט.

דער סטרייק טראָגט דורך דעם א ריכטיגען קלאסען־קאמפּף כאראקטער. עס האנדעלט זיך פאר דיא קאפּיטאליסטישע הערשער ניט נאָר צו פערניכטען דיא יוניאָנס, צו האָבען אין „זייערע" מינען „פרייע ארבייטער", וויא זיי רופען עס און וואָס בעדייטעט אין אמת'ן: אונטערוואָרפענע און שוצלאָזע לוין־שקלאַווען; זאָנדערן אויסצורייסען דיא וואָרצלען פון דעם סאָציאַליסטישען בוימעלע, וואָס איז איינגעפלאנצט געוואָרען צווישען דיא מינען־ארבייטער.

אויסרעכענען אלע געוואלט־טהאטען, וואָס דיא באנדיטען פון דיא מינען־קאָמפּאניעס האָבען בעגאנגען זייט א יאָהר און בעגעהן נאָך היינט צו טאָג אָהן שום שטערונג, איינפּאך וויא רויבער אין וואלד, קען מען נאָר אין א גרויסען בוך. איך וועל דאָ נאָר ברענגען אלס ביישפּיעל צוויי פאקטען, וועלכע האָבען פּאסירט דעם 19טען יוני פון דיזען יאָהר אין דער שטאָדט וויקטאָר:

גענעראל שערמאן בעלל, דער מיליטער־יישער הערשער פון קאָלאָראַדאָ, האָט ארומגערינגעלט מיט א טהייל פון זיינע פערדונגענע מיליציאָנטען א מינע, גענאנט פּאָרטלאנד־מינע, וואו עס האָבען געארבייט ביז 500 מאן, וויל איהרע אייגענטהימער האָבען אָנגענומען דיא פאָרדערונגען פון דער יוניאָן וועגען אכט־שטונדען טאָג און לוין. טראָץ דיא פּראָטעסטען פון דעם דירעקטאָר האָט דער גענעראל צוגעשלאָסען דיזע מינע און ארעסטירט דיא ארבייטער, נאָכדעם וויא ער האָט פּאָרגעלעזען זיין פּראָקלאמאציאָן, אין וועלכער עס ווערט אויסדריקליך ערקלערט, דאָס אזוי וויא אין דיזער מינע ארבייטען „געפעהרליכע מענשען", וועלכע האָבען געהאָלפען דיא סטרייקערס מיט געלד, „שטעלענדיג דערמיט אין געפאהר דיא זיכערהייט און אָרדנונג פון שטאאט", מוז מען איהר צושליסען און ארעסטירען אלע פּערזאָנען, וואָס זיינען געפעהרליך פיר דיא געמיינדע. מען האָט אזוי געגען אלע געזעץ פערמאכט א מינע נור דערפאר, וויל זיא איז געוועזען א דאָרן אין דיא אויגען פון דיא מינען־מאגנאטען און פון דער „סיטיזענס אללייענס" און וויל דיא ארבייטער דאָרטען האָבען ברידערליך געגעבען א טהייל פון זייער לוין פאר דיא סטרייקערס!

97 פון דיא מינען־ארבייטער, וועלכע מען האָט ארויסגעיאָגט פון דיא פּאָרטלאנד־מינע, האָט מען איינגעשפּארט אין א „בול־פּען" און נאכהער ארויסגעשיקט פּאָ עטאפּו אונטער א מיליטערישער וואך נאָך ניו־מעקסיקאָ, וואו מען האָט זיי איבערגעלאָזען אין א וויסטען אָרט אויף גאָט'ס בעראָטה!...

כמעט אין דער זעלבער שעה האָבען אכט פערמאסקירטע באנדיטען, בעוואפענט ביז דיא

ציהען, זיך אריינגעריסען אין דער רעדאקציאָן פון דער צייטונג „וויקטאָר רעקאָרד“, האָבען ארויסגעיאָגט אלע ארבייטער און זיי אָנגעזאָגט וואָס גיכער זיך אָבצוטראָגען פון דיסטריקט, און נאכהער צובראָכען אלע מאשינען און צושטערט אַלעס, וואָס זיי האָבען געפונען אונטער דער האנד. דיא אורזאכע פון דיזען רויבעריעשן אָנפאַל איז געווען, וואָס דיזע צייטונג האָט זיך געהאַלטען אביסעל פריינדליך צו דיא יוניאָנס.

פאר דיזע פערברעכען האָט מען קיינעם ניט גערופען צו פעראנטוואָרטליכקייט. מען האָט גאָר ניט אָנגעהויבען צו זוכען דיא פערמאסקירטע באנדיטען און קיינע ארעסטען ניט געמאכט... אזוי וויא עס איז אונמעגליך געווען צו מאכען אין דיזען פאַל א בלבול אויף דיא סטרייקערס און טרייד־יוניאָניסטען, האָט מען דיא גאנצע געשיכטע פ ע ר ש ט י ק ט. אָה, ווען סטרייקערס וואָלטען אזוי צושטערט איינע פון דיא קאפיטאליסטישע צייטונגען, וועלכע שיטען פייער און שוועבעל אויף דיא „וועסטערן מיינער פעדערייטשען“, וואָס פאר געוואַלדען מען וואָלט עס גע־געמאכט, וויפיעל וואָלט מען עס פונאנדער־געפויקט, אז דיא סטרייקער זיינען פערברעכער און רויבער, און וויפיעל ארבייטער מען וואָלט דאפיר ארעסטירט און פראָצעסירט!

אזוי קרעהט א האָהן ניט, וואָס פיר א פערברעכען עס ווערן ניט בעגאנגען טאָג־טעגליך געגען דיא מינען־ארבייטער אין קאָלאָראדאָ. פאר דיא מינען־מאגנאטען איז דאָרטען א הפקר־וועלט אין פולסטען זינען פון דיזען וואָרט. פרעזידענט רוזוועלט איז ניט נאָר געבליבען טויב צו אלע פעטיציאָנען און ביטעס, וואָס דיא קרבנות פון דיא מינען־מאגנאטען האָבען צו איהם געשיקט, אז ער זאָל זעהען אָבצוהיטען דיא געזעצע פון לאנד און ניט דערלאָזען טרעטען אונטער דיא פיס דיא קאָנסטיטוציאָן פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, זאָנדערן ער האָט זיך אפילו ענטזאגט צו עמפפאנגען דיא דעלעגאטען, וואָס א קאָנווענציאָן פון פענסילווייניער קוילען־גרעבערס האָבען געשיקט צו איהם מיט א פעטיציאָן, אז ער זאָל זעהען צו מאכען א סוף פון דער שרעקענס־הערשאפט אין קאָלאָראדאָ.

אָבער מיינט ניט, אז קאָלאָראדאָ איז עפעס א'ן אויסנאהמע, אז אזא שרעקענס־הערשאפט קען ניט איינגעפיהרט ווערען אין א'ן אנדער שטאאט פון אונזער „פרייער“ רעפובליק, וועלכע ליגט געבונדען אין דיא הענד פון אלץ א קלענערע צאָהל פינאנץ־קעניגע...

פאָליטיקוס.

# רעאַליזמוס און זיינע נוצען

(שלום).

מיר מיינען ניט צו זאָגען, אז דיא רעאליסטישע שרייבער זיינען טענדענציעז; אז זיי זוכען אין זייערע ווערק צו מוסר'ן דיא וועלט; ניין, דיא רעאליסטען האָבען איין טענדענץ, איין שטרעבונג: פאָרצושטעלען דאָס לעבען, און דיא וויכטיגסטע זייט פון'ם לעבען, וויא ווייט מעגליך נאַטור־טריי. אויב דער לעזער האָט אליין געצויגען א מוסר השכל פון דעם ווערק, בעווייזט עס נור, אז ער האָט פערשטאנען דאָס ווערק, אָדער ריכטיגער, דעם ווינקעלע פון'ם לעבען, וואָס דער שרייבער האָט פאָרגעשטעלט.

דאָס לעבען מיט זיינע מענשען איז ניט אזוי איינפאך, וויא מאנכע קענען דענקען. איהר קענט איין מענשען, צוויי, דריי און צעהן... איינער איז א גוטער, דער צווייטער איז א שלעכטער; איינער בעזיצט אזעלכע גוטע מעלות, דער צווייטער אזעלכע און אזעלכע שלעכטע חסרונות. איינער האָט ביי א געוויסען צופאל געהאנדעלט אזוי און דער אנדערער האָט ביי דעם זעלבען צופאל געהאנדעלט אנדערש. פאר וואָס איז דאָס אזוי? „פערברעכען און גוטע טהאטען זיינען אזוי פראָדוקטען פון'ם לעבען, וויא צוקער און אויל זיינען פראָדוקטען פון געוויסע כעמישע שטאָפען“, וויא עס דריקט זיך ערגעץ אויס דער בעריהמטער פראנצויזישער קריטיקער ט ע ן. דער רעאליסט בעווייזט אונז דאָס אלעס מיט זיין אנאליזירען דאָס לעבען, מיט זיין צוגליעדערען דיא נשמה, מיט זיין מעסטען

דעם טעמפּעראַמענט פון'ם מענשען, מיט צוגליעדערען דעם מענשען'ס כאַראַקטער; ער בעווייזט אונז דאָס אַלעס אַזוי קלאָר, אַזוי בולט, אַז מיר פערשטעהן קלאָר, פאַרוואָס האָט דיזער און דיזער מענש געהאַנדעלט אין אַזעלכע און אַזעלכע אומשטענדען אַזוי און ניט אַנדערש....

ביי רעאַליסטען זיינען ניטאָ קיין סתם טייוואָלים און קיין סתם מלאכים, וויא זיי זיינען ניטאָ אין לעבען. אי דער טייפעל, אי דער מלאך אויף דער ערד זיינען ביי זיי א פּראָדוקט פון דער געזעלשאַפט, פון אומשטענדען, מיט איין וואָרט, פון'ם לעבען....

אין דעם „פערלאָרענעם גן עדן" איז העררי דאַימאַנד א פּראָדוקט פון דער „קאַדעטעריי", וויא דיא לעצטע איז א פּראָדוקט פון דעם עלענדען אָרעמען לעבען... דער גוטער און שטילער בעני ליידמאַן ווערט אונטער דעם דרוק פון געוויסע אומשטענדען א ווילדעס טהיר, וואָס וואָלט נור געבראָכען, געשטאָכען און געטריבען מענשען פון'ם הויז א. ז. וו. דאָס אַלעס בעווייזט אייך און איז מחויב אייך צו בעווייזען דער רעאַליסט.

וואָס א וויטערען בליק א רעאַליסט האָט אויף'ן לעבען, וואָס ברייטער און טיפער ער פערשטעהט איהם, וואָס מעהר ווינקעלאך פון'ם לעבען ער כאַפּט ארום מיט זיין אויג, אַלץ מעהר שריפטשטעלער איז ער, אַלץ וויכטיגער זיינען זיינע ווערק....

א שרייבער, וואָס שרייבט אימער פון איין ווינקעל, אויף איינע און דיא זעלבע טהעמאַ, וועגען איינע און דיא זעלבע מענשען, איז זעהר אונבעדייטענד אַלס שרייבער און אַזא שרייבער האַלט אין איין ווידערהאָלען זיך אַליין....

פיר דעם אמת'ן שרייבער איז דאָס לעבען אַן אָפענעם בוך, אין וועלכען ער געפינט אימער פיר זיך אַן אינטערעסאַנטע בלעטעל.... נאַטירליך, בלעטלאַך אין דעם בוך פון'ם לעבען זיינען דאָ פערשיידענע, אי מעהר וויכטיגע, אי ווייניגער וויכטיגע, דער גרויסער שרייבער קלייבט זיך אויס דיא וויכטיגערע בלעטעל....

דיא רעאַליסטען ווייזען אויף דיא וואונדען פון דער געזעלשאַפט, דיא שוואַכהייטען, דיא פערדאָרבענהייט פון דיא מענשען; זיי ווייזען עס אָבער ניט אויף פאַרטייאיש, מחמת זיי זאָלען וועלען, למשל, אויסזידלען דיא וועלט, פאַרוואָס זיא איז ניט אַנשטענדיג גענוג — ניין, מיט דעם רעאַליסט און זיין שילדערן דאָס לעבען קומט אויס דאָס זעלבע, וואָס מיט יענער מיאוס'ער מיידעל און מיט דעם שפּיגעל. דיא שפּיגעל ווייזט דער מיידעל איהר מיאוס'ן פּנים ניט דערפאַר, ווייל זיא איז אויף דער מיידעל בייז, חס ושלום, נור פּשוט דערפאַר, ווייל דיא מיידעל האָט טאַקי א מיאוס'ן פּנים....

V

דער מאָדערנער רעאַליזמוס, פון וועלכען מיר ריידען דאָ, האָט זיך אָנגעפאַנגען אין פראַנקרייך אין 1856 יאָהר, ד. ה. מיט 45 יאָהר צוריק, מיט גוסטאַוו פלאָבער'ס ערשטען ראָמאַן: „מאַדאַם באָוואַרי". דיזער ראָמאַן האָט געמאַכט א גוואַלדיגען רעש אין פראַנקרייך. דעם פערפאַסער האָט דיא פראַנצויזישע רעגירונג פערקלאָגט פיר אונמאָראַלישע טענדענצען. נאַטירליך, האָט דיא רעגיערונג אין דיזען פאַל אויך אויסגעפיהרט, וואָס מען פיהרט געוועהנליך אויס אין אַזעלכע פעלע: דער ראָמאַן האָט געקראָגען דיא גרעסטע רעקלאַמע און דער יונגער פערפאַסער איז אין א קורצער צייט אַנערקענט געוואָרען איבער גאַנץ פראַנקרייך אַלס אַן אונגעוועהנליך גרויסער טאַלאַנט.

דיזער שרייבער האָט ארויסגערופען אי געגנער, אי אנהענגער, אי שרייבער, וואָס האָבען געקעמפפט פאַר איהם, אי געגען איהם.

דיא געגנער האָבען געליאַרעמט, אַז אַזא אונפערדעקטער אַרט שילדערן פון'ם לעבען און מענשען, אַז אַזא גריבלען זיך אין דיא וואונדען פון דער מענשליכער נשמה מאַכט וואָכעדיג דיא געטליכע קונסט, ערנידעריגט דיא שעהנע פּאָעזיע, ברייננגט ארונטער דעם קינסטלער פון דעם הימעל־הויכען פּאַרנאַס, דער באַרג, וואו עס פערברענגען דיא שעהנע מוזעס, אין אַן איינפאַכען האָספּיטאַל, וואו דער קינסטלער מאַכט זיינע אָפּעראַציאָנען איבער דער מענשליכער נשמה, צוגלידערט דיא געזעלשאַפט, גראַדע וויא א כירורג אָפּערירט דיא וואונדען פון א מענשליכען קערפּער....

„דאָס איז ניט קיין קונסט", האָבען געשריען דיא געגנער — „אַזא אַרט שרייבען איז ניט מעהר וויא כירורגיע, אַנאַטאָמיע, און וואָס האָט דיא אמת'ע קונסט מיט דעם צו טהאָן?"

דיא אנהענגער אָבער, וואָס האָבען בעגריפען דיא גרויסע וויכטיגקייט פון דיזער נייער ריכטונג אין ליטעראַטור, האָבען געענטפערט: „אָט דאָס איז טאַקי דיא ליטעראַטור, וואָס פערדינט דעם נאָמען „ליטעראַטור".

„מיר פאָרדערען לעבען פון א ווערק", האָבען

דיא אנהענגער פון דער נייער רעאליסטישער ריכטונג געענטפערט: „מעג דאָס לעבען זיין וויא ניט שעהן און טרויעריג; מיר ווילען קענען אונזערע מענשען מיט זייער דענקען, פיהלען און האנדלען.... מענשען פון בלוט און פלייש ווילען מיר זעהען, אונזערע בעקאנטע ווילען מיר אנאליזירען, אונזערע ברידער און שוועסטער, אונזערע ווייבער און קינדער ווילען מיר אריינקוקען אין הארצען; זייערע נשמות ווילען מיר האָבען אזוי אונטערזוכט, טאקי וויא זייערע קערפּערס ווערען אונטערזוכט פון דאָקטוירים. מיר ווילען זיי קענען ניט וויא זיי דאכטען זיך אויס אונז אויסערליך, נור וויא זיי זיינען טאקי אינערליך אין דער ווירקליכקייט!“

צו יענער צייט האָט אין פראנקרייך געהערשט דער ראָמאנטיזמוס פון וויקטאָר הוגאָ און לאמארטין, און דער זשעניאלער פראנצויזישער ליטעראטור-קריטיקער טען האָט ערקלערט אין זיין בעריהמטען ווערק „פראנקרייך'ס פילאָזאָפען אין 19טען יאהרהונדערט“, אז דיא ראָמאנטישע ווערק פון וויקטאָר הוגאָ און לאמארטין האָבען אָפּגעלעבט זייער צייט און זיי ווערען געלעזען פון דער יוגענד נור אויס נייגעריגקייט. „זייערע ראָמאנטישע ווערק“, האָט ער דאן געשריבען, „זיינען בעוואונדערונגס-ווערטהע בכבוד'יגע איבערבלייבצען פון א צייט, וועלכע עס עקזיסטירט שוין ניט מעהר“. אין אנדערע ווערטער, דיא צייט, ווען דיא ראָמאנטישע ליטעראטור האָט בעהערשט דיא מוחות און דיא הערצער פון דער לעזענדער וועלט, יענע צייט איז שוין פאָראיבער, יענע צייט איז שוין טויט.....

טען'ס פריינד, דער קריטיקער סארסיי, האָט דאן געשריבען א ווארעמען ארטיקעל, געווידמעט צו דיא פריינד פון דער נייער, רעאליסטישער ריכטונג אין דער ליטעראטור, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט דיא דאָזיגע בעגייסטערנדע ווערטער: „פאָרווערטס, פריינד, פאָרווערטס, ניעדער מיט דעם ראָמאנטיזמוס פון וויקטאָר הוגאָ!“....

עס האָבען זיך גענומען ווייזען נייע רעאליסטישע שרייבער: זאָלא, דאָדע, דיא ברידער האָנקור און נאָך אנדערע... יעדער פון זיי איז אטאקירט געוואָרען און יעדער פון זיי איז אפּלאָדירט געוואָרען.... געגנער און אנהענגער פון דער נייער ריכטונג האָבען היציג געשטריטען.... זאָלא, אלס דער בעדייטענדסטער טאלאנט צווישען דיא נייע שרייבער, אלס איינער, וואָס האָט שארפער, טיפער און ברייטער צוגליעדערט דיא נשמה פון דער געזעלשאפט, האָט נאטירליכער ווייזע, ארויסגערופען מעהר געגנער געגען זיך פון דיא איבריגע זיינע חברים... אָבער מיט דער צייט האָט דיא נייע ריכטונג צוגעקראָגען אלץ מעהר און מעהר אנהענגער אין דיא ליטעראטורען פון אלע לענדער.

דיא ערשטע לאנד, וואָס האָט אנערקענט דיא נייע ריכטונג פון'ם מאָדערנעם רעאליזמוס, איז געווען רוסלאנד, וואו זאָלא האָט דורך איינעם פון דיא גרעסטע רוסישע זשורנאלען „וויעסטניק יעוורָאָפּי“ בעקאנט געמאכט דיא וועלט מיט דער טהעאָריע פון דער נייער ריכטונג אין ליטעראטור. רוסלאנד האָט איהם דארום אנערקענט, ווייל צו יענער צייט האָבען אין רוסלאנד שוין עקזיסטירט דיא רעאליסטישע, אָדער, וויא אין רוסלאנד האָט מען עס דאמאָלסט גערופען, דיא „נאטוראליסטישע“ ווערק פון גאָגאָל און פּושקין.

IV

דיא פּראָגראם פון דעם מאָדערנעם רעאליזמוס איז דאן פאָרמולירט געוואָרען פון דיא רעאליסטען אין פאָלגענדע ווערטער:

„נאטור-טרייע שילדערונג פון'ם לעבען אָהן שום צומישעכץ פון ראָמאנטישעס. דער שרייבער מוז שעפּען זיין מאטעריאל ניט אין דיא אויסגעטראכטע מעשות פון זיין פאנטאזיע, נור אין דיא פּאבירונגען פון'ם לעבען ארום איהם. דאָס ווערק איז נור דאן א קונסט-ווערק, ווען עס גיט איבער דיא וואהרהייט פון'ם לעבען. קיינע העלדען מעהר, וואָס שפּארען אונטער דעם הימעל מיט זייער גרויסקייט און קיינע מענשען, וואָס זיינען קלענער, וויא מילבען... קיינע קוקלעס מעהר אויף ספּרוזשינעס, קיינע ליימענע גולם'ס, וואָס האנדלען און ריידען נאָך דעם וואונש פון דעם שרייבער, נור מענשען פון בלוט און פלייש, וואָס מיר קענען, וואָס מיר זעהען, וואָס האָבען זייער אייגענעם ארט ריידען און דענקען, וואָס האנדלען ניט וויא דער פערפאסער וויל, נור וויא זיי אליין ווילען, לויט נאָך זייער פּערזענליכען כאראקטער, ערציהונג א. ז. וו. דער קינסטלער איז א פאָרשער, וועלכער פאָרשט אויס יענעם'ס נשמה, יענעם'ס כאראקטער, גראדע אזוי וויא א פאָרשער פאָרשט אויס א לאנד.... דעריבער מוז ער גראדע, וויא דער עהרליכער, געוויסענהאפטער פאָרשער, בעהאנדלען זיינע פּערזאָ-

נען, וועלכע ער מאָלט פיר אונז. ער מוז זיי פאָרשטעלען פיר אונז וויא זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט, אין לעבען, און ניט וויא איהם וואָלט זיך וועלען, אז זיי זאָלען זיין.... דער דיכטער מיז פערשווינדען הינטער דער האנדלונג פון זיינע העלדען. ער טאָר ניט אונטערברעכען זייער האנדלונג ניט מיט זיין גלעכטער, ניט מיט זיין וויינען און ניט מיט זיין מוכר זאָגען... ווען דיא פערזאָן, וואָס ער מאָלט פיר אונז, איז א קאָמישע, וועט דער לעזער שוין ממילא פון איהם לאכען, איז זיא א טראגישע, וועט זיא שוין ממילא ערוועקען מיטלייד... איז דאָ פון דער האנדלונג און פון דיא מענשען אראָפּצונעהמען זיך א מוסר, וועט דאָס אליין פון זיך ארויסקומען....“

אָט דאָס איז אין קורצען דיא פּראָגראַמע פון דער רעאליסטישער ריכטונג, ארויסגעדריקט פון איינעם פון איהרע פאָרשטעהער....

דיא גרויסע רעאליסטישע שרייבער געהן טאקי צו צו זייער ארבייט וויא פאָרשער. זאָלא, איידער ער האָט זיך געזעצט שרייבען זיין „זשערמינאל“, האָט פריהער אויסגעפאָרשט דאָס לעבען פון דיא מינען־ארבייטער. איידער ער האָט זיך געזעצט שרייבען זיין „לורד“, זיין „רוים“, האָט ער אפריהער אויסגעפאָרשט דאָס לעבען אין דיזע שטעדט. הויפּטמאן, איידער ער האָט אָנגעשריעבען זיינע „וועבער“, האָט אויסגעפאָרשט אפריהער דאָס לעבען פון דיא וועבער, איינער פון וועלכע איז געוועזען זיין אייגענער זיידע א. ז. וו.

מיט זייער אויספאָרשען דעם לעבען האָבען מאנכע פון דיא רעאליסטען געזוכט צו בעשטעטיגען געוויסע וויסענשאפטליכע טהעאָריען. צום ביישפּיעל, דיא טהעאָריע וועגען פאמיליען־פעהלערען, וואָס געהען איבער בירושה פון עלטערן צו קינדער, האָט בעהאנדעלט זאָלא אין א גאנצע רייהע פון ראָמאנען, אין וועלכע ער ווייזט אויף, וויא געוויסע פעהלערען זיינען אריבער בירושה אין פערלויף פון גאנצע דורות פון עלטערן צו קינדער און פון קינדער צו קינדס־קינדער. דיזע טהעאָריע וועגען פאמיליען־פעהלערען בעהאנדעלט אויך איבסען אין זיינע „געשפענסטער“, הויפּטמאן אין זיין „פאָרזאָנענאויפגאנג“, און נאָך אנדערע רעאליסטישע שרייבער אין אנדערע ווערק.

אלזאָ, וויא איהר זעהט, איז דער רעאליסט א פאָרשער פון׳ם לעבען און אלס פאָרשער מאכט ער אונז בעקאנט מיט דעם ווירקליכען, מיט דעם עקזיסטירענדען, מיט דיא וואהרע פאקטען פון׳ם לעבען...

IIV

יעצט וואָס פיר א נוצען ברענגט אונז רעאליזמוס?

א געוואלדיגען נוצען, וואָס עס איז ניט אָפּצושעצען!

נעהמען מיר צוערשט דיא ארבייטער בעוועגונג פון דער וועלט. וואָס פיר אן אונגעהייערען נוצען האָט און וועט האָבען שפּעטער דיא ארבייטער וועלט פון דעם רעאליזמוס אלס אויפקלערער!

פון דעם עלענד פון דיא ארבייטער ריידען פיעלע: אי סאָציאליסטען, אי אנארכיסטען, אי גלאט גוטע מענשען. מען שרייבט ארטיקלען אין דיא צייטונגען, מען רעדט פון דיא פּלאטפאָרמס, מען שילט דיא עקספּלואטאטאָרס, מען בעקלאָגט דיא ארבייטער. אָבער זיי אלע צוזאמען מיט זייערע געשרייען און צייטונגס־ארטיקלען קענען ניט ארויסרופען אזא וועה־געשריי אין דער נשמה פון דעם מענשען איבער דיא עלענדע לאגע פון דעם ארבייטער; זיי אלע צוזאמען קענען ניט ערוועקען אין אונז מיט אלע זייערע פלוכען און קלאָגען אזא ביטערע ענטריסטונג געגען דער היינטיגער געזעלשאפט, וויא עס ערוועקען דיא לעבעדיגע וועהטאָגען און יסורים פון דיא לעבעדיגע מענשען אין א זאָלאס „זשערמינאל“, צו אין א הויפּטמאן׳ס „וועבער“.

שילדערענדיג פיר אונז דאָס לעבען וויא עס איז אין דער ווירקליכקייט, שטעלען פיר אונז אוועק דיא רעאליסטען דעם קערפּער מיט דער נשמה פון דער געזעלשאפט מיט אלע ניט פערדעקטע וואונדען און מיר פערשטעהען, און מיר זעהען, וואו דיא מכה איז, און א מאָל טאקי קענען מיר אויך חשק קריגען צו היילען דיא מכות פון דער געזעלשאפט...

אין דער געשיכטע פון מאנכע לענדער זיינען שוין פאָרגעקומען פעלע, וואו געוויסע ווערק פון שרייבער האָבען פיעל בייגעטראָגען צו גאנצע איבערקעהרעניכען. מען בעהויפּטעט, אז דער פראנצויזישער בערפאַסער פון דער מארסעליעזא, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם בעפרייאונגס־גייכט פון׳ם פראנצויזישען פאָלק צו יענער צייט, האָט מעהר ביי־געטראָגען צו דעם פייער פון דער רעוואָלוציאָן אין פראנקרייך, וויא דיא ברענענדיגסטע רעדעס פון צעהנדליגע אגיטאטאָרס... פארוואָס? ווייל

אין דיזען ליעד האט דאס פראנצויזישע פאלק געפיהלט זיין אייגענע נשמה, וואס האט זיך געריבען צו פרייהייט! „אנקעל טאם'ס קעבין" האט אויך פיעל בייגעטראגען אין דיזען לאנד צו דער בעפרייאונג פון דיא נעגערס, ווען עס האט נור אין זיך ענטהאלטען א קערנדעל פון דעם ווירקליכען לעבען.... טורגענעוו מיט זיינע בייכטע־האפטע ערצעהלונגען פון דעם רוסישען בויערן לעבען האט פיעל בייגעטראגען, אז דיא רוסישע רעגירונג זאל אפשאפען „פאנסטשינא", לייב־אייגענשאפט. אונטער דעם איינדרוק פון דיקענבעס ווערק איז די ענגלישע רעגירונג פיעל מאל געצוואונגען געווען בטל צו מאכען פערשיידענע איינפיהרונגען און געזעצע. מיט איין ווארט, דיא נוצען, וואס דיא רעאליסטען בריינגען און קענען ברענגען דער געזעלשאפט מיט זייער שילדערן דעם לעבען וויא עס איז אין דער ווירקליכקייט, קען מען גאר ניט אפשאצען.

דערפאר טאקי זיינען דיא רעגיערונגען און דיא בורזשואזי אין אלע לענדער געגען רעאליזמוס. ווייל אי דער רעגיערונג אי דעם געלדבייטעל לוינט ניט, אז דאס פאלק זאל צו־פיעל וויסען און פערשטעהן.

אונטער דעם אויסרייד פון כלומרשט „טהרת המשפחה" ווערן פערבאטען „קרייטצער סאנאטאס", „סאפאס" אין אמעריקא. דיא רעאליסטישע ווערק, וואס ווערן דא איבערזעצט לשם פענסיישען, צושניידט מען און צוקאליעטשעט, בר מינן'ס מאכט מען פון זיי.... טאלסטאי'ס „תחית המתים", וואס האט זיך אנגעפאנגען צו דרוקען אין דעם היגען „קאפמאפאליטאן", האט מען געמוזט אויפהערען צו דרוקען אין מיטען־דערינען, ווייל דער ליטעראטורנער אגענט פון טאלסטאי האט ניט ערלויבט דעם רעדאקטאר פון'ם זשורנאל ארויסצואווארפען אלע בעסטע סצענעס פון טאלסטאי'ס ראמאן אים נאמען פון כלומרשט „טהרת המשפחה". מיר זאגען „כלומרשט טהרת המשפחה", ווייל אין דער אמת'ן זיינען זיי געגנער פון דיא רעאליסטען ניט דערפאר, ווייל די רעאליסטען זיינען אונמאראליש, ניין, נור דערפאר אליין, ווייל פון וואס זיי, די רעאליסטען, זאלען ניט שרייבען, בעריהרען זיי א לעבעדיגע וואונד אין דעם געזעלשאפטליכען קערפער, און דאס לוינט זיך ניט פיר דיא אייבערשטע פון אונזער געזעלשאפט....

דאס אלזא, אין קורצען, טהוט אויף דער רעאליזמוס פיר דער געזעלשאפט אין אלגעמיין. פיר דעם איינצעלנעם מענשען, פיר זיין פראקטישען לעבען טהוט דער רעאליזמוס אויך פיעל אויף... דען ער בעקענט אונז מיט דיא פערשיידענע מענשען, כאראקטערע און טיפען און, פאלגליך, מיט דער וועלט.... און דיא וועלט קענען, הייסט עס, צו פערשטעהען, וויא צו לעבען אין איהר....

קורץ, דער רעאליזמוס טהוט פיעל אויף פיר אונזערע מענשען־קינדער. אין מעהר איינצעלהייטען וועגען זיינע נוצען וועלען מיר זיך פערברייטען, ווען מיר וועלען שפעטער שרייבען איבער דער רעאליסטישער דראמא.

לעאן קאברין.

# א פרויען=הארץ

פון יעקב ראבינאוויטש. אויס דעם העבראישען פון אב. גאלדבערג.

אבענדס. אין דארף איז א גדולה, א שמחה: יחזקאל דער קאראבעלניק מאכט חתונה זיין טאכטער.

דעם קאראבעלניק'ס נידעריגע און קליינע הייזעל איז אין גאנצען בעלויכטען, אויסגעפוצט לכבוד דער חתונה און פול געפאקט מיט מענשען.

אלע אידען פון דעם דארף, וויא אויך פון דיא סביבות, זיינען געקומען מיט זייערע פאמיליען פרעהען זיך אויף זיין שמחה: א סך פריינד האט א קבצן. אנדערש זעהט יעצט אויס זיין הויז און אנדערש זעהען אויס די מענשען.

דיא שווארצע פעררויכערטע ווענד זיינען אפגעקאלכט, דיא פאדלאגע איז אפגעוואשען, דאס מעבעל איז אפגעריבען און אויסגעפוצט, אז עס פערעלט ממש אין אויג. און דיא מענ־

שען: דיא וואָכענדיגע הלבשה האָבען זיי ארונ־
טער געוואָרפען און אָנגעטהאָן בגדי־שבת. אויף
דיא פּנים'ער האָבען זיך געענדערט: דיא טאָג־
טעגליכע דאגות זיינען פערשוואונדען, און זיי
שטראהלען: דיא שמחה בעשיינט מיט איהר
מילדע ליכטיגקייט אלעס און אלעמען.

דיא כלה זיצט אויף א הויכען שטוהל, וואָס
מען האָט געליהען ביי'ן ארענדאטאָר. נעבען
דער כלה שטעהט א קליין טישעל, אויף וועלכען
פערשיעדענע בלומען און גלאַט צווייגלאך זיי־
נען אויבגעשטעלט. און פלעכטען זיך איבער
איהר קאָפּ, ווארפענדיג א ליכטיגען שאָטען
אויף איהר געזיכט.

ביי איהר רעכטע האנד זיצט דעם ארענדא־
טאָר'ס טאָכטער און ביי דער לינקער — דעם
קרעטשמאר'ס. דעם ארענדאטאָרס טאָכטער
זעהט אויס טרויעריג, און וואָס פרעהליכער דיא
כלה ווערט, דעסטאָ טרויעריגער ווערט זיא.

און דיא כלה, זיא שיינט. צו דער ערד
לאָזט זיא ארונטער איהרע אויגען: פערבעהאל־
טען וויל זיא זייער פרעהליכען גלאַנץ, אָבער
אומזיסט! צו שטארק איז ער, אום איהם צו קע־
נען בעהאלטען. און דעם ארענדאטאָר'ס טאָכ־
טער קוקט אויף דעם שטראהלענדען געזיכט,
און זיא ווערט איבערוועלטיגט פון א געפיהל
פון קנאה.

דיא גאנצע וועלט איז זיא, דעם ארענדא־
טאָר'ס טאָכטער, מקנא. מען רעכענט איהר
פיר א גליקליכע. — חא, חא, חא, זיא א גליק־
ליכע!

אָבער אָט געהט דער בדחן.

„כלה'נו, כלה'נו, וויין!“ שרייט אויס דער
בדחן מיט א געמאכטען טרויער. דיא כלה
מאכט א מינע, וויא זיא וואָלט וויינען, אָבער
איהר הארץ פרעהט זיך אין איהר.....

וואָס פיר איין אונטערשייד עס איז צווי־
שען זיי! יענע פליסט זיך וויינען, און אויף'ן
הארצען איז איהר אויפגעלייגט, און זיא — זיך
פרעהען, ווערענד אין הארצען טראָגט זיא א
וועהטאָג.

און דער בדחן זעצט פאָרט זיין „טרויערי־
גען“ נגון, און זינגענדיג איז ער מתפלל צו דעם
רבונו־של־עולם, אז ער זאָל שיקען זיין „זעגען“
דעם דאָזיגען „פּאָאר“; דערצעהלט אויף
שבחים וועגען דער הויז: אין דעם ניעדריגען
שטיבעל איז חתן־וכלה, ששון ושמחה, אין דער
ענגער וואָהנונג ביי דיא אָרימע מענשען —
א טאָכטער א צניעה, א גליקליכער זיווג, מיט
איהרע אייגענע הענד האָט זיא פערדיענט איהר
ביסעל געלד, און מיט דעם שוויים פון זיין גע־
זיכט בויעט ער זיין געצעלט.

„ניט קיין רייכטהום, גאָטעניו“ — לאָזט
דער בדחן אויס זיין פּזמון — „רייכטהום אָהן
א שיעור, נור גליק א ביסעל, נור א ביסעל, פער־
לאנג איך פון דיר.“

„ניט רייכטהום, נור גליק“ — וויא שארפע
פיילען האָבען דיא ווערטער דורכגעדרונגען דיא
ברוסט פון דעם ארענדאטאָר'ס טאָכטער.

דיא גליקליכע אָרימע! פון איהר אייגע־
נער ארבייט האָט זיא צונויפגעקליבען איהר נדן.
צוזאמען מיט איהר פאָטער האָט זיא געליטען.
ווערענד ער פלעגט ארומוואנדערן איבער דיא
דערפער צו פערדינען א שטיקעל ברויט, האָט זיא
געדיענט אין דער פרעמד און ארויסגעהאָלפען
איהר פאָטער. און איהר חתן דער שמיעד?
נאָך אין זיין קינדהייט האָט ער זיך מיט איהר
געשפּיעלט, און אז זיי זיינען אויסגעוואקסען,
האָט זיך דיא קינדער־שפּיעל פערוואנדעלט אין
א איבערגעבענער ליעבע.

דיא גליקליכע קבצן'טע! זיא נעהמט זיך
א מאן נאָך איהר הארצענס בעגעהר, הייראט
דעם, וועלכען זיא האָט ליעב — און זיא, דיא
רייכע?

זיא צולאכט זיך מיט א ביטערען געלעכ־
טער איבער דעם געדאנק. „רייכע!“ איז דאָס
דען ניט א ביטערע איראָניע? נאָך רעכענט מען
איהר פאר רייך, און זיא מוז פערקויפען איהר
קערפּער, איהר זעעלע צו א ניכטסווירדיגען אל־
טען, נור אום צו רעטען איהר פאָטער פון א
שענדליכען באנקראָט, פון חרפּה און לייטישע
געלעכטער, פון ביטערע קבצנות.

„רייכע!“ פאר אזעלכע רעכענט מען איהר,
ביי וועלכע דער חתן נעהמט ניט א צערבראָכע־
נעם שילינג, נור צאָהלט נאָך איהר פאָטער מיט
שווערע געלד, אָדער וועקסלען.

זיא האָט רייכטהום — וואָס ווייסען זיי
פּין איהר רייכטהום?

אמת, זיא האָט נאָבעלע געפיהלען, א רייכע
זעעלע, אָבער וואָס ווייסען זיי פון דיזען רייכ־
טהום? ווער האָט עס דען געזעהען?

דיזער גאנצער אוצר, וואָס איז ביי איהר
טיעף אין זעעלע פערבעהאלטען, וועט אויף דאָר־
טען טיעף בעגראָבען ווערען און קיין „תחית־
המתים“ ניט אויפשטעהן. און אין אמת'ן, פיר
וועמען וועט זיא דיזע געפיהלען ווייזען, ווער
וועט אין זיי געפינען אן אינטערעסע? ער,

דער אַלטער טויגעניכטס? וועט זיא נעהמען שייטען פֿערעל פֿיר חזירים?

א בילד שטעלט זיך פֿאר איהרע אויגען, א בילד פון איהר פֿערגאַנגענהייט, פון יענעם אָבגרונד דער פֿערגעסענהייט.

---

א מאָל איז יא געווען איינער, וועלכער האָט געוואוסט פון איהר רייכטהום.

ניט קיין מאַן איז דאָס געווען, נור א יונגער בחור, כמעט נאָך א אינגעל. זיא איז נאָך אויך געווען זעהר יונג; אָבער זיא האָט שוין געפיהלט אין איהר ברוסט דיא יוגענדס פייער....

זיא איז דאמאָלס געווען אין שטאָדט, א שילערין אין א פענסיאָן: דיא שוהלע פיר מיידלעך, און ער האָט אָקאָרשט פערלאָזען דעם בית־המדרש. ער האָט געוואָהנט מיט איהר אין שכנות. מאנכעס מאָל האָט זיא זיך ביי איהרע לעקציאָנען גענויטיגט אין זיין הילפע, ספעציעל אין מאטהעמאטיק. אָן אָרעם בחור איז ער געווען. אָבער אז איהר פֿאָטער האָט איהם פֿאָרגעלייגט, אז ער זאָל מיט איהר לערנען העברעאיש פיר געלד, האָט ער זיך מורא'דיג בעליידיגט, און זיין פנים איז רויט געוואָרען פיר כעס. נאכהער האָט ער מיט איהר געלערנט אומזיסט, דאפיר האָט זיא איהם א ביסעל אויסגעהאָלפען אין דער לאנדס־שפראכע, טאקי נור א ביסעל, קיין סך האָט ער ניט בעדארפט, פלינקע פעהיגקייטען האָט ער געהאט, ער האָט איהר שנעל איבערגעשטיגען.

דאן האָט ער איהר שוין אַלעס געהאָלפען. אויך נאכדעם, אז זיא האָט געענדיגט, איז זיא צייטענווייז געקומען אין שטאָדט און דאָרטען פערבראכט איניגע וואָכען, און גוטע פריינד זיינען זיי געווען אויך דאן.

א שארף־זיניגער איז ער געווען, אָבער קאַלטבלוטיג. צייטענווייז האָט ער איהר אויסגעזעהען טרוקען, ער פלעגט איהר שרעקליך לאנגווייליגען. ער, פון זיין זייט, האָט איהר אימִמער פערגעבען איהר לייכטזין. אמאָל פלעגט זיא איהם ערגערן ביז טרערען. ער איז אָבער ווייטער געקומען.

און איינמאָל, אין א פאר־נאכט, געהענדיג מיט איהר שפאצירען — דער טאָג איז דאן אויסגעגאנגען אין זיין פראכט, און זיא איז געווען אין גאנצען געריהרט פון דער סצענע — האָט ער איהר טיעף אריינגעקוקט אין דיא אויגען, נאכהער האָט ער איהר איינגערוימט: „דו האָסט א רייכע זעעלע".

א פערטראַכטער איז ער געווען, אָבער אויך א בעל חשבון: זאָגאר אין דיא בוימער פון וואלד האָט ער געזוכט סימיטריע.

און איינמאָל, אין זומער, האָט איהר פֿאָטער איהם איינגעלאָדען צו זיי אין הויז אויף איניגע טעג. דאָס דאָרף־לעבען האָט איהם איבערראשט, ער איז אָבער געווען טרויעריג. האָט זיא ביי איהם געפרעגט אויף דיא אורזאכע פון זיין טרויער, האָט ער איהר ניט געענטפערט. אין איניגע טעג ארום האָט ער איהר דערצעהלט א מעשה פון „א פֿאַס פולווער, וואָס ווארט אויף א פונק" — זיא האָט איהם דאן ניט פערשטאנען.

א מאָל האָט ער זיך פערגעסען... זיי זיינען דאמאָלס געווען אין וואלד. זיא איז געזעסען נעבען איהם און געטריבען שפאס. אויף איין אונטערגעשניטענעם בוים זיינען זיי ביידע געזעסען. ער האָט איהר פלוצלונג אומארמט. זיא האָט איהם מיט כעס אָפגעשטופט.

נאָך אין דיזען טאָג איז ער אוועקגעפאָהרען, מיט איהר ניט זעהענדיג זיך מעהר. נור א צעטעל האָט זיא געפונען מיט פאָלגענדע ווערטער: „דער פונק איז אין קיין פֿלאַם פערוואנדעלט געוואָרען, דו האָסט פערלאָשען דעם לעצטען פונק".

פון דאנען אָן האָט זיא דערפיהלט דיא רייכקייט פון איהר זעעלע, אָבער אויך דיא אָרימקייט ארום איהר. פון דאן אָן האָט זיא אָנגעהויבען לעבען אליין, אָבגעזונדערט, אין געזעלשאפט האָט זיא זיך בלויז געוויזען לעבהאפטיג.

שפעטער האָט זיא איהם פערגעסען, אָבער אויך קיינער האָט אָן איהר געדענקט — איהר געלד האָבען זיי געוואָלט; אויף איהר זעעלע האָט קיינער געפרעגט.

---

דער חתן איז אריינגעפיהרט געוואָרען אין שטוב. דיא כלה לאָזט נאָך אַלץ ארונטער דיא אויגען, אָבער וויא אויף להכעים ווענדען זיי זייער בליק צום חתן.

און נאכדעם וויא דער חתן האָט זיא בעדעקט, האָט מען זיי געפיהרט צו דער חופה.

זיא איז נאָכגעגאנגען דער כלה.

אָט איז דיא חופה: אויף דעם ברייטען פלאַץ פאר דעם קאראבעלניק'ס הויז האָבען זיך פערזאמעלט א סך מענשען. אויף דיא גויים פון דאָרף זיינען געקומען אָנקוקען, זיי מיט זייערע ווייבער, זיהן און טעכטער. ארום איז

א גערודער, א ווילדער געלעכטער, און לעבעדיגע אויסרופע. בלויז צוויי נור וויינען: דיא כלה און זיא — — —

אָבער וויא פערשיעדען זיינען דיא טרעהרען! דאָרט זיינען טרעהרען פון פרייד; און ביי איהר אין דיא אויגען ביטערע טרעהרען.

דיא חופה איז אויפגעהויבען געוואָרען, דאָס גלעזעל איז צערבראָכען געוואָרען: „מזל־טוב! מזל־טוב!" הערט זיך פון אלע זייטען. איהר הארץ ווערט אין איהר צערבראָכען.

זיא האלט איין איהרע טרעהרען און געהט צו צו דער כלה און בעגריסט זיא. נאכהער געהט זיא אריין אין שטוב און זעצט זיך אוועק אין א ווינקעלע.

---

טרויעריג זיצט זיא אין ווינקעל. זיא קלערט וועגען איהר חתן.

זיא, דיא שטאָלצע, מיט איהר הויכער און ברייטער זעעלע, דארף זיך בויגען פיר דיזען העסליכען, ניעדריגען און קליינען נפש.

זיא זעהט איהם יעצט אין איהר געדאנק: וויא העסליך ער איז! וויא זיא פעראכטעט עס זיין בליק, דעם בליק פון זיינע גרויע אויגען, חיטרע אויגען, אויגען פון א קאטץ, וואָס ווארט אויף איהר אָפּפער.

איהר דוכט, אז זיין העסליכער בליק וועט פערפינסטערן דעם גלאנץ פון איהרע אייגענע אויגען.

דיא דריטע וועט זיא שוין זיין ביי איהם. דיא ערשטע ווייב האָט ער גע'גט. מען זאָגט, אז נאכדעם וויא ער האָט אוועקגערויבט איהר פערמעגען, האָט ער איהר קערפער פערקויפט, ביז זיא איז ענדליך אנטלאָפען און איינגעוויליגט צו קריגען גט, ניט פערלאנגענדיג א פרוטה.

דיא צווייטע איז געשטאָרבען, נאכדעם וויא זיא האָט איהם געבוירען זיהן און טעכטער. פריהער האָט ער איהר שרעקליך געפייניגט, וויא מיט א דיענסט האָט ער מיט איהר געארבייט. זיא האָט אָנגעהויבען שפייען מיט בלוט און איז געשטאָרבען. יעצט וועט זיא ביי איהם זיין דיא דריטע, דיא פרוי פון דעם מאן, וואָס איינע האָט ער גע'גט, און דיא צווייטע האָט ער גע'הרג'עט; און וואָס וועט ער שוין איהר טהאָן? א ציטער געהט איהר איבער דורך דעם לייב, זיא איז אין הוילע ציטערנים.

איהר וועט ער ניט הרג'ענען און ניט גט'ען, ניט אוועקרויבען איהר געלד און אויך ניט שוועהר מיט איהר ארבייטען. ער איז יעצט רייך און האָט פיעל דיענער און דיענסטען. איהר וועט ער אויף דיא הענד טראָגען, קניהען פיר איהר, חנפה'נען, האלזען, קושען. און דאָס איז טאקי דאָס ערגסטע. מיט דעם וועט ער איהר זאמוטשען.

טאָג־טעגליך וועט ער איהר פייניגען מיט דיזע ענויים, שטעכען איהר לייב וויא מיט נאָדלען. יעדע מינוט וועט ער ציהען דיא הויט פון איהר שטיקלעכווייז, זויגען איהר בלוט טראָפּענווייז, זויגען איהר לעבענסזאפט ביסלעכווייז.

נאכהער וועט ער איהר אוועקוואַרפען אין איינעם פון דיא ווינקעלעך פון שטוב, דאר און אויסגעטריקענט, וויא א לעמינע, פון וועלכער מען האָט שוין דיא זאפט לאנג אויסגעקוועטשט; פערמוטשעט און צובראָכען וויא א פענכער, וואָס איז צוזעצט געוואָרען, וויא א צובראָכענער שארבען, וויא אן אויסגעהענדע האלאוועשקע. דאן וועט ער איהר איבערלאָזען און פיר זיך געהן זוכען אנדערע פערגניגענס. ער זאָל כאָטש וואָס שנעלער אוועקגעהן!

זיא עראינערט זיך אָן איין מאָמענט. ער איז געוועזען ביי זיך אין הויז און איז געזעסען מיט איהר אין זאאל. זיא האָט געשפיעלט פיאנאָ. ער איז צו איהר צוגעגאנגען און האָט איהר ארומגענומען. זיא געדענקט זיינע אויגען אין דיזען מאָמענט: וויא דיא אויגען פון א'קאטץ בעת זיא שטעכט אריין איהרע נעגעל אין דעם קערפער פון א מייזעל. זיא האָט איהם שטארק אָבגעשטופט. בעליידיגט איז ער דאן צו איהר צוגעגאנגען: „וואָס האָב איך דיר דען געטהאָן, דו ביסט דאָך מיין כלה?" האָט ער געזאָגט. עקעל אָהן א שיעור האָט זיא דאָמאָלס געפיהלט. נור זעהענדיג, אז עס פערדריסט איהם שטארק, האָט זיא ניט ווילענדיג א פרעהליך פנים געמאכט און זיך רוהיג פון איהם אַוועקגעדרעהט.

„רייך איז זיא!" וויא לעכערליך! פערקויפען פאר געלד אָדער וועקסלען, איהר יוגענד און צוקונפט, איהר קערפער, איהר זעעלע, איהרע געפיהלען און איהר ווילען — דאָס אלעס פערקויפען פיר געלד, און זיא איז נאָך אליין רייך!

איהרע ליפען ווערען פערדרעהט פון וועהטאָג אין א ביטערען שמייכעל.

נאָך מעהר, דיזער פערדאָרבענער אלטער וויל נור א בתולה — אזוי האָט ער אליין געזאָגט; בלויז פיר דעם אליין גיט ער איהר

פאַטער אַזא גרויסע סומע געלד; קיין אַלמנה אָדער גרושה וויל ער ניט. איהרע עלטערנ'ס רוהע, זייער צוקונפטיגעס לעבען קויפט ער פיר איהר עהרע, פיר דעם וואָס זיי רופען „פרויען־עהרע“.

אַלע גלידער קרימען זיך ביי איהר פון ביטערקייט. פרויען־עהרע! חא, חא, חא! וויא ניעדריג איז זיא, דיא עהרע, וועלכע בעשטעהט פון גאָר־ניט! און פיר דיזער עהרע צאָהלט מען נאָך געלד? זיא מאַכט איין אַנשטרענגונג ניט צו לאַכען: מען קוקט אויף איהר פון דאַרטען.

— וואָס האָט ער מיט איהר? וואָס קימערט איהם איהר זעעלע? צו וואָס דאַרף ער איהרע גייסטיגע אייגענשאַפטען? ער דאַרף איהר „עהרע“, ער דאַרף אַ בתולה, וועלכע זאָל איהם געבען דעם תענוג, וואָס ער וויל. מיאוסע קאַטץ, זי קלייבט נאָך אויס דיא מויז! ווען זיא וואָלט ניט געקימערט זיך אַזוי פיעל איבער איהר „עהרע“, ווען זיא וואָלט יעצט ניט האָבען דיזען שאַטץ, וועלכען דער אַלטער „תרח“ זוכט, וואָלט זיא דאָך יעצט פטור געוואָרען פון אַ צרה; ער וואָלט זיא דאַמאָלס ניט געוואָלט, און זיא וואָלט פילייכט געפונען אַן אָרעם־בחור, מעגליך נאָך אַזעלכען וויא יענעם — — —

ווארום זאָרגען זיך דיא פרויען אַזוי פיעל פיר זייער עהרע? ווייסען זיי ווירקליך ניט, וויא לעבערליך דאָס איז? דאַרפען זיי זיך פאַרבערייטען פיר עקעלהאַפטע אַלטע בעלי־תאווה'ניקעס? ווארום זאָלען זיי ניט פאָלגען זייער הערצענס־שטימע? ווארום זאָלען זיי ניט נאָכגעהען דעם ערשטען, וואָס זיי בעגעגענען? ווארום זאָלען זיי זיך ניט איבערגעבען דעם ערשטען יונגען־מאַן, וואָס ליעבט זיך איין אין זיי? איז דען ניט בעסער פיר דער בלום אויסגעזויגען צו ווערען פון אַ ביהן, אין זיין בליהענדער יוגענד, איידער נאָכהער זיין אַ שפּייז פיר דיא קריכענדע ווערים? וויא גוט איז דאָס דיא אָרימע! וויא גליקליך איז עס אויך דיזע אָרימע!

---

זיא געהט אַריין אין צווייטען צימער. חתן־כלה עסען דיא גאָלדענע יויך. זיי אונטערהאַלטען זיך יעצט נאָך דעם היינטיגען תענית. אויסער צוויי־דריי פון דער כלה'ס פריינד איז אין צימער מיט זיי קיינער ניטאָ.

חתן־כלה זיצען איינס נעבען דיא אַנדערע און מען עסט רוהיג. אַלע מינוט קוקען זיי זיך אָן מיט אַזא ברענענדער ליידענשאַפט, אַז זיא ברענט זיך דורך דורך זייערע גליקליכע אויגען.

דער חתן האָט זיך אויפגעשטעלט. זיא קוקט אויף זיי ביידע. ער — אַ געזונדער, הויכער, ברייט־ביינעדיגער בחור. זיין געזיכט — רויט וויא פייער, און זיינע הענד — געזונד און שטאַרק אַזוי וויא צוויי שטיקער אייזען. און איהר דוכט זיך, אַז ווען ער זאָל געבען זיין כלה אַ קלאַפּ מיט זיין האַנד איבערן רוקען, וואָלטען פונקען געפלויגען, אַזוי וויא געבענדיג מיט זיין האַמער אַ זעטץ איבער דער קאַוואַדלע אין זיין קוזניע. און איהר דוכט זיך ווייטער, אַז זיא זעהט אין איהם דאָס פייער, וואָס הויבט זיך אויף, צופלאַמט זיך און צופלאַקערט זיך; דאָס פייער, וועלכע צולאָזט פלאַמענדע צונגען אויף אַלע זייטען, צו ברענען אַלעס אַרום.

און דיא כלה זעהט איהר אויס וויא אַ הייסקעסעל, וואָס ענטהאַלט אַזוי פיעל היטץ, כמעט אויף צוזעצט ווערען, און פון וועלכע אַ פּאַרע ברעכט מיט שטורם אַרויף. און ביידע וועלען בעוועגען אַלעס און זיי וועלען געבאָרען דאָס לעבען, און דאָס לעבען וועט אויך זיין אַזוי וויא דיא צוויי שטורמענדע, רוישענדע עלעמענטען. און דאָס לעבען וועט אויסברעכען מיט שטורם און רעש וויא פון אַ פייער־שפּייענדען באַרג. און עס וועט לויפען, קאַטשען זיך אַזוי וויא עטוואָס, וואָס קאַטשעט זיך פון געבירגע, פון הויבע פעלזען. און דאָס לעבען וועט פערוואַנדעלט ווערען אין אַ ברייטען ים, הויך וויא דיא הימלען, טיעף וויא דער אָבגרונד.

מקנא איז זיא דאָס רייכטהום פון דיזען לעבען, דיא פולקייט און דיא הייסקייט. זיא, דיא אָרימע־רייכע, וועלכע איז רייך אין איהר זעעלע און אָרים אין לעבען, איז מקנא דיזע רייכע קבצנים, דיזע אָרימע, וועלכע האָבען אַזא רייך־לעבען — — —

דאָ איז פרייד און יוגענד, און דיא יוגענד פערזיסט דיא פרייד; און ביי איהר וועט זיין עלטער פערלעשען איהר יוגענד'ס פייער, און אַלט וועט זיא ווערען, און מיט דערנער וועלען פערוואַקסען ווערען איהרע האָפנונגען, און דיא בלומען פון איהר זעעלע וועלען פערוועלקט ווערען נאָך איידער זיי האָבען געבליהט. און אונטערגעהען וועט איהר זוהן נאָך איידער זיא האָט ערשיינט. און פערגליווערט וועט ווערן איהר בלוט איידער עס האָט נאָך אויפגעזאָטען. און פייער איז געוועזן איהר גאָט און צו דעם האָט זיא געדיענט. פעראַכטעט האָט זיא דעם, וועלכער האָט אין איהר קיין פייער ניט אָנגעצונדען, און געוואַרט האָט זיא אויף דעם אָנ־

קומען פון איהר אידעאל, אויף דעם אַנקומען פון דיזער יונגער זעעלע, וועלכע זאָל אַנצינדען א פייער אין איהר זעעלע, אויף דעם אַנקומען פון דיזען מאַן, וועלכען זיא האָט געזעהען אין איהר פאַנטאַזיע, אויף דעם אַנקומען פון דיזען יונגען־מאַן, דער טרעגער פון לעבען און פרייד, דער סימבאָל פון יוגענד און שעהנהייט, קראַפט און פייער — ער איז נאָך ניט געקומען: איין אַנדערער איז פריהער געקומען. זיא האָט געהאָפט צו בליהען און אָט איז דיא פערוועלקונג, זיא האָט אייז און געוואַרט האָט זיא אויף פייער.

און איהר זעעלע וויינט אין איהר; העלישע פלאַגען זיינען איהרע יסורים.

---

און א שטיקעל נגינה האָט זיך געלאָזט הערען אין שטוב.

טרויעריג איז געוועזן דער נגון; איהר האָט זיך געדוכט אזוי ווי די פידעל וויינט און קרעכצט, אזוי וויא דיא סטרונעס וואָלטען אויסגיסען זייער ביטער הארץ פיר דיא צוהערער. און זיא איז אויפגעשטאַנען פון פּלאַטץ און איז אריינגעגאַנגען אין טאַנץ־צימער. דאָרטען האָבען די טענצער אויפגעהערט טאַנצען, דיא מענער האָבען אויפגעהערט דעבאַטירען, דיא פרויען — פּלוידערן. אַלע אויגען זיינען געוועזן אַנגעווענדעט צו איין פונקט, אַלע אויערן זיינען געוועזן אַנגעשטרענגט צו הערען איין שטימע, א שטימע, וואָס ריהרט דיא הערצער.

א מינוט איז פאַראיבער, און שוואכער ווערט דיא שטימע, גלייך וויא זאָל וועלען אויפהערען, פערשטומט ווערען. אין דיזען מאָמענט האָבען, דוכט זיך, אַלע ליכט פון צימער געדענקט אויסגעלאָשען ווערען, און פערזאַממעלטע האָבען וויא גע'גוסס'ט יציאת נשמה......

און דיא אויגען פון פיעדלער האָבען געבליצט, און א טיעפער, טיעפער טרויער האָט פון זיי ארויסגעקוקט, און זיינע אויגען האָבען זיך וויא געבעטען, וויא געזיפצעט, און אזוי וויא דאָס ליכט זייערע וואָלט דענקען אויסלעשען זיך, אזוי וויא זיי וואָלטען זיך וועלען צושליסען אויף אייביג.

און אַלע האָבען געקוקט צו דיא אויגען, אָבער דיא אויגען קוקען צו איהר, איהר — — — און דיא אויגען אזוי וויא זיי בעטען זיך, אזוי וויא ער וואָלט ביי איהר בעטען רחמים: זיא זאָל איהם רעטען; און איהר האָט זיך געדוכט, אז ער איז גאָר איהר אלטער בעקאַנטער, עלטער פיר איהר יעצטיגען זקן, אז ער איז איהר יוגענד־פריינד, אזוי נאָהענט איז ער צו איהר געוואָרען דורך זיין שפּיעלען.

און דיא פיעדעל וויינט, זיפצט, און דיא סטרונעס ציטערען זאנפט, און דיא שטימע זעהט אויס וויא זיא קומט פון א בעהאַלטען אָרט, פון דיא טיעפענים פון אָבגרונד, פון איין אַנדער וועלט. און זיא הערט אין זיין שטימע דיא שטימע פון א ליידענדעס, אונטערדריקטעס הארץ. זיא הערט פערשטיקטע, דערוואָ־געגנע זיפצען, אזוי וויא דאָס קלאַגען פון וואַסער אונטער דעם אייז־דעק, אזוי וויא שנעע־בלומען איידער זיי האָבען ארויסגעשטעקט זייערע קעפּלעך אויף דער ליכטיגער וועלט, אזוי וויא דיא פייערדיגע לאַווע, וועלכע שטורמט אין דיא טיעפענים פון א וואולקאַן איידער זיא ברעכט ארויס. עס זעהט אויס, וויא ער וואָלט ארומבלאָנדזשען אין דער פינסטערנים און פערגליווערט ווערן אין דיא אייז־קאַלטקייט פון לעבען.

אָט האָט איהר אויסגעוויזען, אז זאָגאר איין שטראהל האָט נאָך ניט בעלויכטען זיין פינסטערנעס; זאָגאר איין פונק האָט נאָך ניט פּרובירט צולאָזען זיין הערצענס־אייז, זאָגאר איין זוממערדיגער זאָנען־שטראהל האָט ניט אָנגעוואַרמט זיין ווינטערדיג־לעבען. איין ביהן האָט נאָך ניט דיא בלומען־זאַפט געזויגען, נאָך ניט האָבען דיא פינגער פון א געליבטער געקרויזט זיינע לאָקען, נאָך זיינען דיא באַקען ניט רויט געוואָרען פון דער בעריהרונג פון ברענענדע ליפּען, נאָך האָט זיין הארץ ניט געקלאַפּט אין ענטפער צו איין אנדער קלאַפּענדעס הארץ, נאָך האָבען דיא אויגען ניט פערגאָסען א ליעבעס־טרעהר — — —

און איהרע אויגען גיסען טרעהרען.

זיא וויינט און אין הארצען פיהלט זיא דאָס ווידער־קול פון פידעל.

און אין פידעל האָט זיך געהערט דאָס קול פון איהרע הארצענס סטרונעס — — —

און דער פידלער האָט אויפגעהערט שפּיעלען פיר איין מאָמענט; און דיא מענשען האָבען אויפגעהערט אטהמען, עפּעס א פערשטיקטער זיפץ האָט זיך געהערט אין צימער; און אַלע אויגען האָבען געקוקט צו איהם, און ער קוקט צו איהר, אזוי וויא ער וואָלט וואַרטען אויף איהר אורטהייל, אזוי וויא פון איהר אורטהייל וואָלט אָפּהענגען זיין גאַנץ לעבען.

זיא האָט געקוקט צו איהם מיט א צופריי־

דענעם בליק, א טרעהר האָט געפונקעלט אין איהר גלענצענדען אויג.

און שטאָלין האָט דער פידלער אויפגעהויבען זיין קאָפּ, און ער האָט געשפּיעלט.

און געלאָזט האָט זיך הערען איין ערהאַבענע שירה, הערליכע הארמאָניע, א שטאָלצער נגון, א זיעגב־ליד. און א בליין האָבען זיינע שווארצע אויגען געטהאָן און א פלאם פייער האָט זיך אין זיי אָנגעצונדען.

און איהר לעבענס־פראגע איז אזוי וויא גע־לעזט געוואָרען אין דעם מאָמענט.

דאָס איז דער ערשטער שעהנער יונגער־מאַן, וועלכער קומט איהר אויף דעם וועג, דאָס איז דאָס פייער, צו וועלכען זיא האָט געדיענט. זיא לעבט אָפּ — זיינע וועט זיא זיין!

צו איהם, צו דעם פרישען, צארטען יונגען מאַן, צו דיזען רייכען ארימאַן, וועלכער געוועלטיגט איבער זיין פיעדעל און איז אונטערוואָרפען צו זיין הארץ — צו איהם, צו איהם וועט זיא זיין! צו איהם וועט זיא אוועקגעבען איהר יוגענד, צו איהם, נור צו איהם!

איין מינוט וועט זיא מיט איהם אלעס טהאָן און זיא וועט פערגעסען אלע צרות; דאָס וועט זיין איהר לוין פיר אלע יסורים.

און ראכע וועט זיא נעהמען אָן דעם אלטען.

פערגניגענד הויבט זיא אָן לאכען, און אין דיזען מאָמענט אזוי וויא טאנצען וואָלט אָנהויבען דיא פיעדעל און שפּרינגען דיא סטרונעס. עס האָט איהר געשיינט אזוי וויא דיא פולקייט פון יוגענד זאָל זיך ארייגרייסען אין הארצען און אויפפלאמען אין א בלענדענדען פייער. און דאָס געלעכטער צוברעכט זיך און צערשפּליטערט זיך, און עס פליהען פונקען פון פרייד, שפּליטער פון געלעכטער, און שפּריצעלעך פון געפיהלען.

און דאָס געלעכטער האָט זיך פערוואנדעלט אין א ביטערען שפּאָט, שפּאָט אויפ'ן מענשליכען בראָך, שפּאָט אויף דער ניט־ערפילטער. האָפנונג, דיא האָפנונג פון איין האבזיכטיגען קארגען, פון א חיטריאק וואָס איז געפאלען אויף זיין קאָפּ, שפּאָט אויף דעם שלאנג, וואָס האָט געביסען איהר אייגענעם עק.

שפּאָט, שפּאָט!

און זיא זעהט דיא אויגען פון דער אלטער קאטץ — וויא לעכערליך זיי בליקען! גרין זיינען זיי, שוין ניט מעהר גרוי — אנטלאָפען איז דיא מויז פון זיינע צייהנער! וויא משוגע לויפט ער הין און צוריק אומזיסט! דאָס פויגעלע איז אנטרונען און מען געפינט דאָס ניט מעהר. דאָס וואָס ער האָט אזוי געגארט, וועט ער ניט האָבען, דיזער העסליכער אלטער. און זיא וועט זיין צו איהם, צום יונגען פידלער, איהם וועט זיא זיך איבערגעבען, און איהם וועט זיא אוועקגעבען איהר קערפּער, איהר זעעלע, איהר יוגענד און איהר עהרע. איין מינוט בלויז וועט זיא זיין זיינע, און דאָס וועט איהר פערזיסען דיא ביטערקייט אויף איהר לעבענסלאנג.

דער איינער שטראהל וועט אויף עוויג בעלויכטען דיא פינסטערקייט פון איהר זעעלע. אין דיזען מאָמענט וועט זיא איהם ענטבלויזען דעם רייכטהום פון איהר זעעלע, ער וועט דאָס פיהלען, ווען זאָגאר ער זאָל דאָס ניט פערשטעהן. זיא וועט איהם דאמאָלס הייסען שפּיעלען, און דיא רייכפארביגקייט פון איהר שפּיעלען וועט זיין איהר הארצענ'ס עכאָ, און אין דיזע סטרונעס וועט זיא הערען דעם קלאנג פון איהר זיעג אין לעבען. זיעג! מיט דעם וועט זיא זיעגען! ראכע, ראכע וועט זיא נעהמען און אויך געניסען פון לעבען. אין דער מינוט וועט זיא לעבען מיט אלע חושים, פיהלען מיט דער גאנצער טיעפקייט פון איהר זעעלע, שטורמען מיט איהר גאנצען שטורמענדען גייסט, פרעהען זיך מיט איהר גאנצעם הארץ, אויסווייגען אלע פריידענס־טרעהרען; אין דער מינוט וועט זיא בליהען, און דיא פריהלינגס־ביהן וועט זויגען איהר זאפט — אלעס אין איין מינוט.

---

אין א פיערטעל שטונדע ארום זיינען זיי געוועזן אין וואלד.

און דיא נאכטס־טהוי האָט צוגעדעקט דיא גראָזען אויף דער ערד. א לייכטער נעבעל האָט איבערצויגען דיא בוימער; דיא בלייכע לבנה האָט בעלויכטען דיא נאכטס־פינסטערנים; א לייכטער ווינטעל האָט געבלאָזען און אָבגעקיהלט דיא ווארימקייט פון דער לופט; דאָס שטיפען פון איין איינזאמען פויגעל האָט געשטערט דיא ארומיגע שטילקייט; און דיא סטרונע פון א פיעדעל האָט א ציטער געטהאָן פון דעם ריהר פון א צארטען פינגער. און ווייך איז געוועזן דאָס גראָז און פייכט. ער האָט ארונטערגענומען זיין ראָק און האָט דאָס אויסגעשפּרייט, און זיא איז געזעסען דאָרט.

דיא שטערען האָבען געלויכטען, געבליצט און אויסגעלאָשען געוואָרען — וויא פליהענדע פונקען. בלעטער און צווייגען האָבען זיך גע־

שאָקעלט און געציטערט, אזוי וויא זיי וואָלטען זיך סוד'ען. און צארטע שטימען, נאכט־שטימען, האָבען געקלונגען אַזוי וויא א ווייטע עכאָ. צוויי הערצער האָבען געקלאַפּט און ביידענס הערצענס־קלאַפּעריי האָבען זיך פעראייניגט, און הענד האָבען זיך געזוכט און האָבען זיך פעראייניגט, און ליפּען האָבען זיך געזוכט און האָבען זיך צוזאמענגעשלאָסען — — —

דיא לויערענדע לבנה האָט זיך פערבעהאַלטען, דיא שלויע שטערנדליך האָבען געקוקט בגנבה דורך דעם נעבעל־דעק, דיא קולות אין וואלד זיינען שטיל געבליבען, און דיא סטרונעס פון פידעל האָבען אויפגעהערט ציטערן — —
— — — — — — — — — — — — — — —

דיא לבנה האָט פּלוצלונג א שיין געגעבען — זיי האָבען זיך אויפגעכאַפּט וויא פון חלום. ער נעהמט שפּילען אויף דער פידעל, און זיא וויינט, וויינט.....

גאנץ פריה אויף דעם וואָגען.

„עס גלויבט זיך ניט", זאָגט א יונגער כלי־זמר צום פידלער — „ווירקליך, זיא האָט ניט פּראָטעסטירט?" זיינע אויגען האָבען איי־פערזיכטיג געקוקט אויף זיין פריינד.

„זיא האָט אפילו ניט געפּרובירט" — האָט ער געענטפערט, און זיינע אויגען האָבען געשיינט פון פרייד.

„איך פערשטעה ניט", האָט דער פריהערדיגער געדריקט מיט דיא אקסלען — „וויא איז דאָס מעגליך?"

און דער עלטערער פון דער קאָמפּאניע זיצט און שאָקעלט מיט דעם קאָפּ.

דער ווינד טרייסעלט זיין באָרד, און זיינע אויגען קוקען צום הימעל, וויא איינער וואָס וויל זיך אָן עטוואָס עראינערען.

„וואָס איז דער וואונדער?" — רופט ער אוים שטילערהייד, וויא איינער, וואָס רעדט מיט זיך: — „א פרויען־הארץ!"

# בדמיך חיי.

ואעביר עליך ואראך מתבוססת בדמיך
ואמר לך בדמיך חיי,
ואמר לך בדמיך חיי.
(יחזקאל ט"ז)

(אַ סצענקע אין ליטע.)



בת צו נאַכט נאָך מעריב. אין דונקעל־בלויען הימעל איז געווען איינגעפּאַסט דיא לבנה, וויא אַ גרויסער פערלאַמוטער קנאָפּ און איהר קיהלען בלאַסען שיין האָט זיא פרייגעביג צוגאָסען אין אַלע ווינקעלאַך.

וואו ניט וואו אויף'ן הימעל, קוים מיט אַ'ן אויג צו דערוואַרפען האָבען פריינדליך געוואונקען קליינע שטערענדלאַך.

— גוט וואָך, גוט יאהר — האָט זיך געהערט אויף'ן גאַס פון עולם, וואָס האָט זיך געשאָטען פון מעריב — און דער „גוט וואָך", אזוי וויא אַלע אידישע „גוט יום טוב" האָט געקלונגען האַלב מיעד, האַלב טרויעריג... „אוים מנוחה, צוריק צו דער עבודה!" — האָט זיך געהערט אין דיא ווערטער...

דיא גאַנצע גאַס איז געווען בעלעבט. האַלב נאַקעטע קינדערלאַך האָבען זיך געשפּיעלט אין יאָגענעס, און זייערע יונגע, פרישע קול'כלעך האָבען זיס אָבגעקלונגען אין דיא ריינע, קיהלע לופט; ווייבער אויסגעזעצט אויף דיא שוועלען מיט זייערע קליינינקע קינדערלאַך אויף דיא הענד, האָבען הויך געשמועסט, פוהרמאַנעס האָבען געפיהרט דיא פערד אָנטרינקען; און אַ מחנה אינגלאַך זיינען נאָכגעלאָפען מיט א הורשעריי פון הינטען — אַלץ האָט זיך בעוועגט, זיך געפרעהט מיט דיא ליכטיגע נאַכט.

פּלוצלונג, ניט געאַכט און ניט געטראַכט, איז געוואָרען א געלאַף, א ליאַרם, אַ זאַווערוכע. וואָלקענס שטויב האָבען זיך אויפגעהויבען פון געלאַף, איינער האָט געשריען: א ביטווע, נאָך איינער האָט געשריען, אַז שלמה'ס קוזנע ברענט — און אַלע זיינען אין איין אימפּעט

אוועקגעלאָפּען צו דער קוזנע, און זייערע שאָ־נ'ענס זיינען נאָכגעלאָפען אויף די ווענט.

נעבען קוזנע איז געשטאַנען א געדיכטער רעדעל מענשען. אין רעכטען מיטען איז גע־שטאַנען א אינגעל פון א יאָהר צוועלף־דרייצעהן מיט א צובלוטיגטע, צו'הרג'עטע צורה. פון זיין נאָז האָט גערונען בלוט. דער עולם האָט איהם גע־צופּט פון אַלע זייטען.

— ווער האָט דיר אזוי אבגעפּאַרבט? האָט איהם איינער געפרעגט מיט א וויטז.

— ער איז מסתמא א פּאָקוסניק, ער ציהט רויטע בענדלאך פון דער נאָז, האָט נאָך איינער אבגעענטפערט מיט א געלעכטער.

— ווער האָט דיר אזוי צופּאַלמעסט די צורה? האָט א דריטער א פרעג געטהאָן. ס'איז דאָך א חורבן א קוק צו טהאָן אויף דיר!

—אדער זאָג, אָדער געה מיט פייער און וואַסער, האָט זיך איינער געבייזערט. אַז מען פרעגט דיר, זאָלסטו אַלע מאָל ענטפערן. וואָס ציהסט דו אונז די עצמות? רויטער כוואַט!

דער אינגעל האָט זיך אָנגעהויבען ריהרען אוועקצוגעהן.

— שטעה אויף א'ן אָרט, איך האק דיר אריין אין דר'ערד. דו מוזט זאָגען, ווער ס'האָט דיר צובלוטיגט, א ניט וועסטו פון דאַנען ניט געהן, האָט איינער געשריען מיט כעס.

דער אינגעל האָט אויף איהם א קוק גע־טהאָן מיט האַס און איז געבליעבען שטעהן ווי א פערגליווערטער.

— יענקעצקע, קום אהער און גיב א קוק. דו וואָלסט זיך געלאָזען אזוי צובלוטיגען?

יענקעצקע האָט זיך לאַנג ניט געלאָזען בע־טען. ער איז צוגעגאַנגען, זיך גוט איינגעקוקט אין צובלוטיגטען פּנים און געזאָגט מיט גדלות:

— די צייט וואָלט יענער געקריינקט אויף איין זייט און דערנאָך אויף די אַנדערע, וויא לאַנג איך וואָלט זיך ניט געלאָזען אזוי צו־נמית'ן.

— רבונו של עולם, די הענד זאָלען ווערען אָבגעהאַקט ביי די וואָס שלאָגען אזוי א קינד! האָט א אידענע געשאָלטען הינטערן רעדעל.

— ער האָט דאָס כשר פערדיענט! האָט איינער פלוצלונג אויסגעשריען אויף'ן קול, זיך דורכשטופּענדיג דורך'ן רעדעל. געבענשט זאָלען זיין די הענד, וואָס האָבען איהם געשלאָגען. אָט הערט וואָס איז געווען, אָט הערט וואָס ער האָט אָבגעטהאָן, דער באַר־יונג.

ער האָט זיך געשטעלט אין מיטען און אָנ־געהויבען ערצעהלען, מאכענדיג מיט די הענד. אַלע האָבען אויסגעשטעלט די אויערן:

— איהר ווייסט דאָך שוין, מן הכתם, אז גאָר ניט לאַנג איז ארויס א פינסטערע מאָדע, אז וויא עס קומט אכט א זייגער פון אבענד, ווי־לען זיי ניט, די הולטייעס, די סטאָצקעניקעס, ד'ערלאַנגען א'ן איבריגען קלאַפּ, א'ן איבריגען שטאָך. שיסט זיי אין קאָפּ, ווילען זיי ניט. געוואָרען מאַגנאַטען! אָט דאָ גופא פאַר א ווייל־לע, וויא נור שלמה'ס ארבייטער האָט זיך גע־שטעלט טאָן אין קוזנע, איז צוגעגאַנגען אָט דער רויטער העלד, אָט דער יונגאַטש, זיך אריינגע־שטעלט אין טיהר, וויא א שררה און מאַכט צום אַרבייטער: „דו האָסט הפּנים פערגעסען, אז גאָך אכט א זייגער האָבען מיר אָבגעמאַכט ניט צו אַרבייטען? אָט אזוי היטסטו דאָס אונזער אָבמאַך? אויב ער דאַרף באַלד די אַרבייט, איז ער אַליין ניט קראַנק זיך צו ברענגען אין קוזנע דאָרט אויך ביינאַכט. ער האָט נאָך גייט אויף געשיקט, אבער איך האָב געזאָגט: א פּעה! ניט פון פלעק!" אָט אויף די טרפה דבורים איז אָנגעקומען שלמה אַליין. ער האָט גאָר קיין שאלה ניט געמאַכט, פאַרקאַסערט זיין אַרבעל, געמאַכט א ברייטען „מי שברך" און אריינגע־פייערט מיט זיין ברעישע לאַפּע אין זיין טריפה „פאַרצע" אריין: איינמאָל אזוי, נאָך אַמאָל אָט אזוי — (דאָ האָט דער דערצעהלער געווי־זען מיט'ן קולאַק אויף זיין אייגענער צורה) און האָט איהם גלייך צובלוטיגט וויא א דבר אחר. היינט זאָגט, האָט ער דאָס ניט כשר פערדיענט? דאַרפען דען ניט אַזעלכע הענד געבענשט זיין? האָט ער געבּרעגט ערניעדערנדיג זיין טאָן.

— כשר, כשר! האָבען עטליכע אויף איין מאָל געענטפערט. ער האָט איהם נאָך וויניג געגעבען.

— דער הונד איז ווערטה דעם שטעקען.

— ער האָט בעדאַרפט טרעפען אויף מיר, וואָלט מען איהם אין לייליכער אוועקגעטראָגען.

— איך וואָלט איהם מכבד געווען מיט מיין בייטש, אבער מיט די רחמים זייט, ניט מיט די „דין" זייט, אז עס וואָלט א מציאה געווען א גילדען א קלאַפּ — האָט זיך אָבגערופען א פוהרמאַן.

— וואָס האָט געזאָלט זיין, וואָס דאַרף זיין, וואָס וועט זיין, וואָס מוז זיין, וואָס האַקט, וואָס קנאַקט, וואָס קלאַפּט און באַקט; וואָס ז'רייט און ווייעט, וואָס זייעט און נייעט, וואָס ו'ייסט און בייסט; פון א קאַץ א מויז, א בעל־הבית פון א הויז, א'ן אָרעם־בחור פון קלויז און

אַ ביער־ברויער פון ברויז — זאָל אויסגעהן צו דיין קאָפּ דו יונגאַטש ! — האָט איינער אריינ־געזאָגט דעם צופּלוטיגטען אין צורה, און געטיי־טעלט מיט'ן פינגער.

אַלע אין איין קול האָבען ארויסגעשאָסען מיט אַ ברייטען געלעכטער.

— ער האָט אַ ממזר'שע קאָפּ אויף דיא פּליי־צעס, האָט איינער געריהמט דעם גראַמענזאָגער.

— הייגט זעה, וואָס דו האָסט אויסגעפיהרט —האָט איינער גע'מוסר'ט דעם אינגעל, בנחת, לאַנגזאַם. קלעפּ האָסטו געקראָגען וויפיעל אין דיר איז אַריין, קיינער גיט דיר ניט קיין גע־ייעכט, אַלע מאַכען פון דיר „אַ דריטען געריכט"

און ווער ווייס, וויא'דו וועסט פון דיא קלעפּ אָב־שניידען. זעה וויפיעל דמים דו האָסט פערלאָרען, דו קענסט דאָך נאָך „אַוועקהימלען !"

— ניט פון אַלע דמים קען מען „אַוועקהימ־לען", האָט זיך אָבגערופען אַ יונגער אַרבייטער. אויף זיין „ברית" האָט ער אויך פערלאָרען דמים, האָט דער גאַנצער עולם דאמאלס געזאָגט „בדמיך חיי" — און ס'האָט איהם טאַקי ניט געשאדט. איצטיגע דמים איז אויך פון א „ברית" און לאָמיר אלע ווידער זאגען „בדמיך חיי".

דן לאַזאַר.

# ענטפער אויף א קריטיק

זעהענדיג וויא אָפט אפילו הויך געבילדעטע לעזער גיבען גאָר ניט אכטונג אויף דעם, וואָס עס איז געשריבען, אפילו יעדער ווייס וויא דייטליך וואָלט דער שרייבער געקענט גאָר אָבגעשלאָגען ווערען פון מוטה. וואָס קומט ארויס פון שרייבען, אז דוקא דאָס וואָס דו צורייסט דיך ווער ווייס ווי צו מאכען, וואָס דו מיינסט צו זאָגען, אזוי דייטליך וויא נאָר מעגליך, לאָזט גאָר דער לעזער איבערעמערקט.

אָט דיזער טרויעריגער גערדאנק איז איבער מיר געקומען, ווען איך האָב געלעזען דר. א. גינזבורג'ס רעצענזיע אין דיא יולי „צוקונפט" איבער מיין ביכעל „ליעבע און פאמיליען־לע־בען". אָבער איך האָב מיך באלד געטרייסט מיט דער ערפאהרונג, וואָס איך האָב שוין אָפט געמאכט, אז דער גרייבער פשוט'ער עולם לעזער גיט מעהר אכטונג וואָס ער לעזט, וויא דער הויך־געבילדעטער. דיעזער לויפט געוועהנליך נאָר אריבער איבער דיא שורות, און דערביי טראָגט איהם אוועק זיין אייגענער פליהענדער קאָפּ, און עס בלייבט ביי איהם מעהר דער איינדרוק פון זיין אייגענעם געדאנק, וויא פון דעם, וואָס עס שטייט ווירקליך געשריעבען.

נאכדעם וויא דר. גינזבורג האָט אזוי פיעל אויסצוזעצען אין מיין ביכעל, קומט ער ערשט גאָר צום סוף ארויס מיט דער בעמערקונג, אז „אויב" מיין הויפט־כונה איז געוועזן צו האָ־בען א ויכוח מיט דיא טהרת המשפחה'ניקעס פון זייער שטאנדפּונקט, איז עס מיר יא גוט געלונגען.

וואָס האָט איהם געטויגט פריהער אזוי פיעל אויסצוזעצען און ערשט אין דיא לעצטע עטליכע שורות צו זאָגען „אויב" מיין הויפט־כונה איז געוועזן אזוי און אזוי איז שוין יא גוט, ווען באלד ביי דעם אריינגאנג פון מיין ביכעל, אין דעם פאָרוואָרט, איז אזוי דייטליך גענוי ערקלערט וואָס מיין הויפט־כונה איז ? !

איך זאָג דאָרטען אונגעפעהר :

„ביי אידען איז איינגערעדט, אז צניעות איז א אידישע זאַך און דיא הייליגקייט און ריינקייט פון פאמיליען־לעבען — אַ טייערע מעלה פון אידי־שען פאָלק, מיט וועלכען זיא צייכענט זיך אויס פון אַלע אומות..... צו איז טאקי אמת, אז אידישקייט קען אויף אייביג דיענען פיר אַ בוישפּיעל פיר דיא מענשהייט וויא זיך צו פיהרען אין אזעלכע זא־כען ?.... אידישע אָרטהאָדאָקסען, [illegible] משכילים ענטפערן אויף דעם „יאַ"... אונזער צוועק אין דיעזען ביכעל איז דאָס צו אונטערזוכען" [illegible]

דארף מען נאָך דייטליכער ערקלערען וואָס מיין הויפט־כונה איז געוועזן? אָבער מיין דריי־

טיקער איז א הויך־געבילדעטער מענש און א גוטער דענקער, איז ער געווען אין זיינע אייגענע עולמות העליונים בשעת ער האָט דאָס געלעזען און ער טראַכט גאָר ערשט, „אויב" מיין הויפּט־כונה איז דאָס אָדער יענעם!

עס שיינט אָבער, אז מיין קריטיקער בילדעט זיך איין, אז נאָר רעווערענדס און טהרת־המישפּחה'ניקעס האָבען אזעלכע מיינונג וויא דיא, וועלכע איז זאָג ד י י ט ל י ך, אז (און ער זאָגט „אויב") עס איז געווען מיין צוועק צו ווי־דערלייגען. איך וויים אָבער, אז דאָס איז דיא מיינונג פ ו ן ג א נ צ ע ן א י ד י ש ע ן ע ו ל ם, וויא איך זאָג אין מיין הקדמה אויס־דריקליך. און אויב מיין קריטיקער מיינט, אז נעגען דיא רעווערענדס און טהרת המשפּחה'ני־קעס לוינט זיך ניט צו פּאָלעמיזירען, בין איך אָבער איבערצייגט, אז דיא גאַנצע ענערגיע דאַרף ערשט אוועקגעלייגט ווערען אויפצוקלערען דעם גרויסען עולם איבער זיינע טיעף איינגעוואָר־צעלטע פּאַלשקייטען.

ווייטער שיינט מיין קריטיקער צו מיינען, אז ווען מען האָט אין זינען צו פּאָלעמעזירען נעגען טהרת המשפּחה'ניקעס, קען מען ניט זיין אונפּארטייאיש. איך הייב ניט אָן צו וויסען פאר וואָס? ווארום קען מען זיין אונפּארטייאיש, ווען עס קומט אוים צו בעווייזען וועגען דעם ענין די וויבענשאפטליכע וואהרהייט פון מאטעריאלי־סטישען שטאנדפונקט? האָט מען דען דערביי ניט אין זינען צו פּאָלעמעזירען געגען ניט־מאַ־טעריאַליסטען? האָט דארווין אין זיינע פאָר־שונגען ניט אין זינען צו פּאָלעמעזירען געגען דיא אַלטע איינבילדונג וועגען דיא בעשטענדיג־קייט פון כּפּעציעס (מינים)? יעדער פאָרשער, בעשרייבענדיג דעם רעזולטאט פון זיינע פאָר־שונגען, האָט נאַטירליך אין זינען צו בעווייזען דיא אונריכטיגקייט פון דיא אַלטע אָנגענומענע מיינונגען, וואָס זיין פאָרשונג האָט געפונען פיר פאַלש. אָבער אונפּארטייאיש איז מען דערביי, ווען מען זוכט ניט איינזייטיג צו טהאָן אונ־רעכט דיא אנדערע זייט. אין דיזען זין בין איך געווען אונפּארטייאיש אין מיין ביכעל, כאָטש מיין אויסדריקליכער צוועק איז געווען צו פּאָלע־מעזירען — ניט געגען איינינע בלאָפערשע טהרת־המשפּחה'ניקעס, אָבער געגען דיא טיעף־איינגעוואָרצעלטע מיינונג אין גאַנצען אידישען עולם, דאָס אידישקייט איז איין איינהייטליכע לעהרע און דיא העכסטע ריינהייט אין דיזע זאַכען.

פון דיזען שטאנדפונקט איז דער נאָמען פון מיין ווערקעל פאַלשטענדיג ריכטיג — טאַקי „לדירך" —, און דיא פראגע „לויט וועלכע אי־דישקייט?" שטעל איך דאָך דאָס טאַקי אין מיין ווערקל אזוי קלאָר און דייטליך, אז נאָר אזא הויך־געבילדעטער און דענקענדער מאַן, ווי מיין קריטיקער האָט געקענט דאָס ניט בע־מערקען.

מיין קריטיקער זאָגט, אז איך מיש צוזא־מען פערשיעדענע אידישקייטען, צום ביישפּיעל פון אברהם און דיא גמרא. וועגען ו ו ע ל־כ ע ן פ ו נ ק ט מייט איך זיי צוזאמען? ווע־גען דעם פונקט מכח א סיסטעם, א פּרינציפּ אין דיא פראגע פון געשלעכטס־לעבען? ניין! הענגען דעם זאָג איך אויסדריקליך, אז „זיי (דיא אבות) זיינען נאָך געווען פאר מתן תורה, דאָס הייסט, איידער עס האָבען געהערשט דיא שפּע־טערע מאָראַל־בעגריפע" (זייטע 9). נאָר וועגען וואָס דען? דאָס איז אין דעם קאפּיטעל „א י י נ ג ע ה א ל ט ע נ ק י י ט". איך רעד דאָרטען וועגען דעם איינעם פונקט, צו איז דאָס אמת, אז אין לעבען (אָבגעזעהען פון טהעאָריען) האָט דאָס אידישע פאָלק אימער זיך אויסגעציי־כענט מיט מ ע ס י ג ק י י ט אין געשלעכטס־לעבען. אין ד י ע ז ע ן פונקט איז נאַטירליך גאַנץ גלייך וויכטיג אלץ וואָס עס שטייט דער־ציילט פ ו ן א ל ע צ י י ט ע ן פון דיא אי־דישע געשיכטע. און ווען מען האָט דערציילט אזעלכע שיינע מעשה'לעך פון אויסגעלאסענ־הייטען פון דיא ה י י ל י ג ע אבות, איז דאָך א סימן, אז מען האָט דאָס אפילו גאָר ניט גע־האַלטען פיר העסליך. עס איז ניט וויכטיג אויב דיא מעשה'לעך זיינען אמת; עס איז וויכ־טיג, אז מען האָט זיי געגלויבט און דערציילט אין פאָלק. דאָס צייגט, וואָס אידען האָבען אין פּראַקטיק געהאַלטען פון מעסיגקייט אָדער אונ־מעסיגקייט אין געשלעכטס־לעבען. אָבער וועגען סיסטעמאַטישע ב ע ג ר י ע פ ע מכוח פאַ־מיליען־לעבען בעווייז איך, דאכט זיך, אזוי דייטליך וויא נאָר מעגליך, וויא זיי ענדערן זיך נאָך דיא צייטען און אומשטענדען.

דאָך איז דאָס ניט קיין ווידערשפּרוך מיט דעם וואָס איך רעד פון דעם „אַלטען עכט־אי־דישען פּרינציפּ", דען דורך אלע אומשטענדען האָט זיך ביי אידען ג ע ז ו כ ט דורכצובריע־כען אזא פּרינציפּ, וועלכער שטאַמט פון דיא צייט, אין וועלכע דיא אידישע רעליגיאָן האָט געהאט איהר וואָרצעל. דר. גינזבורג ווייס גאַנץ

גוט, אז דורך אלע ענדערונגען אין דער ענטוויקלונג ווירקט דאָס, וואָס איז איין מאָל איינגעוואָרצעלט געוואָרען דורך אמאָליגע אומשטענדען — ווירקט דאָס אלס אן „אינערציע" געגען דער ענטוויקלונג, שטערענדיג זיא געוויסערמאסען.

וואָס דער „קריסטליכער פרינציפּ" האָט זיך שוין אפשר געהאט פריהער אָנגעפאנגען ביי דיא איסיים (דיא גאנצע מעשה מיט דיא איסיים איז היסטאָריש צווייפעלהאפט) — איז אבזאָלוט ניט וויכטיג. דאָס קריסטענטהום שטאמט סיי וויא סיי אויך פון אידען, וואָס איז דיא נפקא מינה צו איהר רופט עס „קריסטליכער פרינציפּ" צו איהר וועט עס רופען „איסייאישער פרינציפּ"? דער איסייאיזמוס (אויב ער האָט עקזיסטירט) האָט דערנאָך אָנגענומען דעם נאָמען קריסטענטהום. „וואָס איז אין א נאָמען"?

קורץ, לאָז מיין האָכגעאכטעטער קריטיקער נאָך א מאָל איבערלעזען מיין פאָרוואָרט און אכטונג געבען וואָס איך שטעל זיך דאָרטען דייטליך פיר מיין צוועק, און לאָז ער זיך פאָרשטעלען, אז דיא מאסע פון אידישען עולם בעשטייט ניט פון פאָרשער, וואָס פיר זיי איז שוין דאָס, וואָס דר. גינזבורג ווייסט, א „דבר ידוע", נאָר זיא בעשטייט פון מענשען, וואָס מען דארף זיי דאָס טאקי ערשט זעהר נייטיג בעווייזען, וואָס ביי מיין קריטיקער איז שוין אזוי זעלבסטפערשטענדליך, דאן וועט ער בעשטימט ניט מעהר זאָגען, אז א י ך מיש צוזאמען דיא פערשיעדענע דינים און בעגריפע פון פערשיעדענע צייטען אין איין קאשע. ער וועט פערשטיין, וויא ריכטיג איך בעוויז דאָס וואָס איך האָב זיך דייטליך געשטעלט פיר אויפגאבע צו בעווייזען פאר דיא מענשען, וועלכע איך וויל אויפקלערען.

ב. פייגענבוים.

# די צוקונפט צו איהרע לעזער

פריינד פון דער „צוקונפט"! צוליעב דעם אונגליק, וואָס האָט פאסירט מיט דיא פאסאזשירען אויף דעם עקסקוירשען־שיף „דזשענעראל סלאָקום", איז דער עקסקוירשען פון אייער זשורנאל, וואָס האָט געזאָלט זיין דעם 25טען יוני, אויפגעגעבען געוואָרען.

שרעקליך און שוידערהאפט איז געווען יענע טראגעדיע אויף דעם „דזשענעראל סלאָקום"; אין פייער און אין וואסער זיינען אומגעקומען הונדערטע און הונדערטע מענער, פרויען און קינדער. צו יענער צייט אז מיר זאָלען מאכען אונזער עקסקוירשען, וואָלט געהייסען, אז מיר פערטראָגען זיך גלייכגילטיג צום מענשליכען אונגליק...

דארום האָט דיא „צוקונפט פרעס־פעדעריישען" בעשלאָסען, אז זיא האָט ניט קיין מאָראלישען רעכט צו פאָדערן אייך, לעזער פון דער „צוקונפט", צו פערברענגען פריילאך אויף אן עקסקוירשען אין דער צייט, ווען ביי טויזענדער און טויזענדער מענשען זיינען נאָך ניט פערטריקענט געוואָרען דיא טרערען נאָך דיא קרבנות פון יענעם אונגליקליכען עקסקוירשען.... און בעסער לאָזען פאלען דיא געלד, וואָס מען האָט שוין געספענדט.

אום צו דעקען אונזער מאטעריעלען פערלוסט, האָבען מיר אראנזשירט א פיקניק אין דעם שעהנעם ליבערטי פארק, אין ברוקלין, שבת, דעם 27טען אויגוסט.

פריינדע פון דער „צוקונפט"! מיר האָפען, אז איהר וועט טהאָן אייער בעסטעס, זעהען צו פערקויפען טיקעטס און קומען מיט אייערע פריינדע און בעקאנטע, אז דער פיקניק זאָל האָבען א פינאנציעללען ערפאָלג. דער גייסטיגער ערפאָלג פון אייער זשורנאל העננט פיעל אָפּ פון זיין פינאנציעלען ערפאָלג.

לעזער פון דיא „צוקונפט"!

איהר האָט יעצט א געלעגענהייט אונז צו העלפען אין אונזער ארבייט, אום מיר זאָלען קענען דעם זשורנאל פערגרעסערען און פערבעסערען און פערשפרייטען ליכט צווישען דיא אידישע מאסען.

מיר האָפען און ערווארטען, אז מיר וועלען זיך אלע זעהען שבת, דען 27טען אויגוסט אין דעם שעהנעם ליבערטי פארק, וואו מיר וועלען זיך אלע צוזאמען אמוזירען אויפ'ן בעסטען אופן.

אכטונגספאלל,

„דיא צוקונפט פרעס־פעדעריישען".

וועגען איינצעלהייטען זעהט אונזערע אדווערטייזמענטס אין דיא „צוקונפט" און צייטונגען.

# וויכטיגע בעקאנטמאכונג.

מיט דיזען מאָנאט פאנג איך אָן צו קוויטי־רען עפענטליך אין דיא „צוקונפט" אלע געל־דער, וואָס איך וועל ערהאלטען פון דיא אָרגא־ניזאציאָנען, וועלכע זיינען פערבונדען מיט דיא „צוקונפט" און נעהמען יעדען מאָנאט קאָפּיעס צו פערטהיילען זייערע מעמבערס.

דיזע קוויטירונגען פאנגט זיך אָן פון דעם 1טען יוני ביז דעם 15טען יולי, ווייטער וועט זיין די קוויטירונגען פון דעם 15טען ביז דעם 15טען, דאָס איז דער בעשטימטער טאָג, וואָס עס מוז אריין געהן דיא לעצטע קאָפּיע אין פּרינטינג.

דיזע איינפיהרונג — רעכען איך — זאָל ברענגען דאָבעלטע נוצען, וויא פיר „דיא צו־קונפט", אזוי אויך פיר דיא אָרגאניזאציאָנען. ערשטענס, וועט יעדע אָרגאניזאציאָן קענען זי־כער וויסען, אז איהר געלט פאר דיא קאָפּיעס וואָס זיא האָט געשיקט, איז אָנגעקומען אין דער צייט אויף דעם ריכטיגען פּלאץ און עס איז אין ערגעץ ניט פערהאלטען געוואָרען. צווייטענס, וועלען די איבריגע אָרגאניזאציאָנען, וואָס האָ־בען נאָך קיין געלט ניט געשיקט דיזען מאָנאט, זיך אפשר דערמאָנען און גלייך אריינשיקען, וואָס קומט פון זיי. אגב וויל איך טאקי דערמאָ־נען דיא יעניגע אָרגאניזאציאָנען, וואָס נעהמען קאָפּיעס שוין איניגע מאָנאטען און האָבען נאָך גאָר קיין געלט געשיקט, דאָס זיי זאָלען וויסען, אז „דיא צוקונפט" קען קוים וואָרטען איין מאָ־נאט. דאָס איז אויך צו־פיעל פאר איהר צו וואָרטען, ווייל זיא האָט ניט קיין ליגענדע געלד אין זאפּאס, און בפרט נאָך עטליכע מאָנאטען. אלזאָ דיא יעניגע אָרגאניזאציאָנען, וואָס שיקען ניט אריין יעדען מאָנאט פיר זייערע קאָפּיעס, טהוען א גרויסע רעה „דיא צוקונפט", אזא רעה וואָס קען כּמעט כל סוף פיהרען צו שלעכטע רע־זולטאטען, נור דורך זייער שולד אליין. מיר האָפען, אז יעדע אָרגאניזאציאָן וועט עס אין אכט נעהמען און טהאָן דאָס בעסטע צו סעטלען זייערע בילס פיר דיא קאָפּיעס אום „דיא צו־קונפט" זאָל דורך זיי ניט דארפען ליידען.

געלדער קוויטירונגען פון קאָפּיעס פון אָר־גאניזאציאָנען, וואָס דער אָפיס האָט ערהאלטען פון דעם ערשטען יוני ביז דעם 15טען יולי:

ארב. רינג ברענטש 1 ניו יאָרק. 10 ד.
א. ר. בר. 3, ברוקלין, 3 ד.
א. ר. בר. 7, וועסט האָבאָקען 8.40
א. ר. בר. 12, פילאדעלפיא, 28,50.
א. ר. בר. 16, סומיט, נ. דזש. 4.80.
א. ר. בר. 20, ניו יאָרק 2.16.
א. ר. בר. 21, נ. י. 3 ד.
א. ר. בר. 24, בראָנקס, 9.07.
א. ר. בר. 25, ברוקלין, 1.25.
א. ר. בר. 27, ראָטשעסטער, 6.24.
א. ר. בר. 32, שיקאגאָ, 5 ד.
א. ר. בר. 33 באָסטאָן, 2 ד.
א. ר. בר. 35, ניו יאָרק, 2.10.
א. ר. בר. 38, נ. י., 1.25.
א. ר. בר. 39, נ. . 2 ד.
א. ר. בר. 40 3.50.
א. ר. בר. 41, אנסאָניא, 1 ד.
א. ר. בר. 42, ניו יאָרק, 2.75.
א. ר. ב. בר. 46, לינן, מאסס., 2.25.
א. ר. בר. 55, ניו יאָרק, 1.25.
אר. ר. בר. 56, נ. .., 2.25.
א. ר. בר. 58, בראָקטאָן, מאסס., 1 ד.
א. ר. בר. 65, שיקאגאָ, 1.75.
א. ר. בר. 70, ניו יאָרק, 60 ס.
א. ר. בר. 74, נ. י., 75 ס.
אינט. נאצ. אר. קר. אונט. פער. 2.50
יאגוכטאָווער יאָנג מען, 2.50.
אפּאראטען קלאָב, 1 ד.
איוויער פּראָגרעסיוו, 1.50.
בוקארעסטער פּראָגרעסיוו, 5.05.
גראָדנער רעוואָלוציאָנערען, 1 ד.
דאלהינאָווער יאָנג מען, 1 ד.
דווינסקער רעוואָלוציאָנערען 75 ס.
יונייטעד ניטערס יוניאָן 2 ד.
סלוצקער פּראָגרעסיוו 1.50.
פּועלי ציון 3.05.
פּינסקער רעוואָלוציאָנערען 1 ד.
„בונד" ברענטש באָסטאָן 2.50.
סאָצ. פּראָפ. קלוב, באלטימאָרע 1 ד.
סינסינאטי'ר ברענטש 91 ס.

---

אוים מאנגעל אם פּלאַץ איז ניט אריין אין דיעזען נומער דער ארטיקעל פון „בונד", א'ן ענטפער אויף געג. מעלך'ס ארטיקעל, זעהר אינ־טערעסאנט, און רעצענזיעס איבער נייע ביכער וועלכע זיינען ערשינען דאָס וועט קומען אין נעקסטען נומער.

דיא רעדאקציאָן.

# די צוקונפט

No. 9 (33) SEPTEMBER 1904 Volume III


## וועדי.

(פון עלבערט האַבבאַרד'ס בוך: „א גרייטער מוזיקער"; איבערזעצט פון ב. ראָזענבלאַט).

I

מיט אלע כוחית האָט ער זיך געהאלטען אָן דיא אייזערנע שטאנגען, דער קליינער, דארער אינגעל, מיט אלע קרעפטען האָט ער גע־דריקט דעם קאָפּ דורך'ן פארקען און זיך איינגעהערט. אימיצער אין דעם גרויסען הויף האָט געשפּיעלט אויף דער פּיאנאָ, און דיא פענסטער זיינען געוועזען ווייט אָפען ארייצולאָזען דיא אבענד־לופט. ער האָט זיך צוגעהערט.

זיינע גרויסע גרויע אויגען זיינען געוועזען ווייט אויפגעעפענט, אלע נערווען אָנגעשטרענגט; ניט נאָר הערען, זעהען האָט ער זיא געוואָלט, זעהען דיא מוזיק.

דיא האָר זיינע האָבען זיך געפּאסט צום געלען פּנים, נאָך עטוואָס העלער זיינען זיי גע־ווען. אָהן א הוט איז ער אימער געגאנגען, און דיא זון האָט זיי געברענט. דיא קליידער גראדע אזוי געל וויא דער געזיכט, פערפּולעט, פער־שמירט מיט שטויב. אריבערטרעטען האָט איהר געקענט איבער איהם און איהם גאָר ניט בעמער־קען. ער האָט זיך איינגעהערט.

כמעט יעדען אבענד האָט יעמאנד גע־שפּיעלט אויף דער פּיאנאָ אין דעם גרויסען הויף. ער האָט עס אויסגעפונען נאָך מיט א וואָך צוריק. און פון דאן אָן, יעדעס מאָל, ווען דיא שאטענס פון אבענד האָבען זיך אויסגעצויגען און עס איז געוואָרען דונקעל, האָט ער זיך ארויסגעכאפּט פון זיינע עלטערנס כאטקע, איז שנעל געלאָפען אויף דעם בארג גלייך צום איי־זערנעם פארקען ארום דעם פּאלאסט פון סעניאָר בארעזי. לעבען דער שטיינערנער וואנט איז ער שטיל געקראָכען, זיך איינגעקאָרטשעט און גע־ווארט אויף דער מוזיק. ניט איין אבענד איז ער געקומען און געווארט, געווארט מיט א קלאַ־פּענדען הארצען, אָבער ניט איין טאָן, ניט א קול אפילו האָט ער געהערט.

איינמאָל האָט גערעגענט, אָבער איהם האָט עס ווייניג געהארט, ווייל יעדען מאָמענט האָט ער ערווארטעט—אָט וועט געבען א שפּיעל אויף דער פּיאנאָ. דיא לופט איז געוואָרען קיהל און פייכט און דעם אינגעל'ס דינער רעקעל האָט זיך פעסט געטוליעט צום דארען קערפּער. קליינע ריטשקעלעך האָבען געפלאָסען פון זיינע האָאָר, זיך פּאמעלאך אראָבגעגאָסען איבער דער נאָז, איבער דיא באקען. ער האָט געווארט, געווארט.

ער האָט אזוי געקענט ווארטען ביז דאָס וואַ־סער וואָלט צו־ווייקט זיין ניט־בעדייטענדען גוף אין גאנצע לייט; און דאן וואָלט ער אָהן צערע־מאָניעס אראָבגעשווענקט געוואָרען אויפ'ן טי־טען שליאך, ארונטער צום שטראָם, און מיט'ן שטראָם אוועק צום טייך, און מיט'ן טייך אוועק

צום ים; און קיינער וואָלט פון איהם מעהר ניט געווען געהערט.....

אָבער סעניאָר באַרעזי'ס קוטשער איז אָנגעקומען יענע נאכט, זיך האלטענדיג נאָהענט ביים פּארקען אונטער דיא בוימער, אום אויסצומיידען דיא נאסקייט. און דער קוטשער איז געפאלען איבער'ן אינגעל.

און וויסען דארפט איהר, אז ווען מיר פאלען איבער עטוואָס, ווילט זיך זעהר א בריקע טהאָן דעם עטוואָס, מעג עס זיין א קאַץ, א הונט, א שטעקען, א שטיין, אָדער א מענש. דער קוטשער, זייענדיג ניט מעהר וויא א בשר ודם, האָט זיך איבערגעדרייהט און א בריקע געטהאָן דעם אינגעל. ער האָט איהם נאָך אָנגעכאפּט ביים קאָלנער און בעשולדיגט אלס גנב. און ניט ווארטענדיג אויף קיין פערטהיידיגונג, האָט ער איהם דערווייל דערלאַנגט איבער דיא פּיסלעך מיט דער בייטש, וואָס ער האָט געטראָגען, און איהם בשעת מעשה געלאָזט וויסען, אז א צווייטען מאָל וועט ער ניט אָפּקומען אזוי לייכט.

אָבער דער אינגעל האָט פערגעסען דיא ווארנונג און אין דיא צווייטע נאכט ווידער געקומען. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד אונטער דער וואנד, בעשליסענדיג זיך צו בעהאלטען; אָבער ווען דיא מוזיק האָט זיך אָנגעפאנגען, האָט ער זיך מאָמענטאן אויפגעשטעלט; און ווידער, מיט דעם פּנים צוגעדריקט צום פּארקען, האָט ער זיך איינגעהערט.

דער ווינד האָט געזיפצעט אזוי ווייך און שטיל דורך דיא מאראנצען בוימער; דיא לופט איז געווען שווער מיט'ן פּערפיום פון בלומען און אויף דיא פליגלען פון אבענד־ווינטעל האָבען זיך געטראָגען פון דיא אָפענע פענסטער זיסע, סאמעט־ווייכע טענער פון בעטהאָווען'ס „מאָנדשיין סאָנאטא". דער אינגעל האָט זיך אלַין איינגעהערט.

„האָסט ליעב מוזיק?" האָט זיך דערהערט א שטימע הינטער איהם. ער האָט זיך אויפגעכאפּט מיט שרעק און געפּרופט דורכשטופּען דעם קאָפּ צווישען דיא אייזערנע שטאנגען צו אנטלויפען. ער האָט געמיינט, עס איז דער קוטשער. ער האָט זיך אומגעדרעהט און דערזעהען דאָס גוטע געזיכט פון סעניאָר בארעזי.

„אויב איך האָב ליעב מוזיק? איך? ! ניין — מיין איך יאָ, אויב עס איז גראדע וויא דיזע..." האָט ער אויסגעשטאמעלט, אָנפאנגענדיג מיט א ציטער און אויסלאָזענדיג מיט פעסטקייט.

„דאָס שפּיעלט מיין טאָכטער, קענסט אהיינגעהן מיט מיר אינעווייניג".

דער גרויסער מאן האָט אויסגעשטרעקט א האנד, און דאָס קינד האָט זיך אָנגעהאנגען אזוי וויא עס וואָלט געווען עטוואָס, אויף וואָס ער האָט שוין לאַנג געווארט און געבענקט.



ווערדי

זיי זיינען דורך דיא גרויסע טויערען, וואו א שטיינערנער לייב האָט געהאלטען וואך פון יעדער זייט. דיא לייבען האָבען זיך ניט גערירהט. אריינקומענדיג אין זאאל, וואו א יונגע פרוי איז געזעסען ביי דער פּיאנאָ, האָט דער סעניאָר געזאָגט:

„גראצע, טאָכטער, אָט איז דער קליינער אינגעל, וואָס מיר האָבען דאמאָלס געזעהען. געדענקסט? איך האָב געטראכט מען דארף איהם ארייננעהמען."

דיא יונגע פרוי האָט געמאכט עטליכע שריט פאָרווערטס און האָט אָנגעריהרט דעם קינד'ס געלען קאָפּ מיט איינע פון איהרע שעהנע הענט, דיא שעהנע הענד וואָס האָבען נאָר וואָס געשפּיעלט דיא סאָנאטא.

„יאָ, מיין קליינער אינגעלע; מיר האָבען דיך געזעהען אין דרויסען נאָך פריהער, און איך זאָל געווען וויסען, אז אויך הייטע אבענד ביסטו דאָרט געווען, וואָלט איך געווען ארויסגעהן דיך ארייננעהמען; אָבער פּאפּא האָט עס פאר מיר געטהאָן. יעצט, זעץ זיך אָט דאָ אנידער, אזוי איך זאָל דיך קענען זעהען, און איך וועל פאר

דיר שפּיעלען. אָבער ווערסטו אונז דען ניט זאָגען וויא מען רופט דיך?"

„איך?" האָט געענטפערט דער אינגעל, „מיין נאָמען איז דזשיאוזעפּע ווערדי — איך בין צעהן יאָהר אלט, איך ליעב אייער שפּיעלען, ווייל איך שפּיעל אליין א ביסעל".

II

שרעקליך איז דיא לאַגע פון דיא אָרעמע אין איטאליען. מעהר וויא א יאָהר־הונדערט נאָכאנאנד האָבען דריי פערטיל פון דיא איטאליענישע בעפעלקערונג ניט געגעסען צו זאַט.

אלס קינד האָט ווערדי געטראָגען א שטריקעל פאר א גארטעל, און ווען דער מאָגען האָט געדריקט און גענאָגט, האָט ער פערצויגען דעם שטריק אויף נאָך א קניפּעל און געהאָפט צו זאָט, אז דער נס פון אליהו הנביא וועט מיט איהם געשעהען, אז דיא וואָראָנעס פון הימעל וועלען איהם ברענגען שפּייז. בלוט־אָרעם זיינען געווען דיא עלטערן פון דעם גרויסען מוזיקאלישען זשעניע, מיט וועלכען גאנץ איטאליען שטאָלצירט. וועגען בילדונג האָט נאַטירליך גאָר קיין רעדע ניט געקענט זיין. אָבער א גרויסער טאלאנט צוזאמען מיט א שטארקען ווילען שלאָגען זיך דורך א וועג. מיר געפינען דעם אינגעל צו צעהן יאָהר אלס א העלפער ביי א קרעמער מיט מוזיקאלישע נייגונגען. דיזער קרעמער מיט'ן נאָמען יאסקיט האָט זיך געהאלטען פאר א מחותן מיט דער קונסט. איבערן קרעמיל איז געווען א קליינינקער צימער, און אין דעם צימער איז געווען א מוזיקאלישער אינסטרומענט, וועלכען דער יונגער ווערדי האָט געקענט בענוצען נאָר פּיער אבענדען אין וואָך. אין דיא שפּעטערע יאָהרען פלעגט ווערדי ליעב האָבען צו דערצעהלען פון דעם. ער האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט, אז געוויסע שוועריגקייטען וואָלטען אימער בעדארפט זיין פערבונדען מיט'ן צוטריט צו א פּיאנאָ, דאן וואָלט דער שילער גאָר געהאט אן אנדער חשק. אין יענע צייטען איז געווען א טאקסע אויף מוזיקאלישע אינסטרומענטען, און אויב איך האָב קיין טעות ניט, עקזיסטירט נאָך א שטייער אין איטאליען ביז היינטיגען טאָג פאר יעדען, וואָס האלט א פּיאנאָ אין הויז. ניט איינמאָל האָט זיך דעם אָרימען קרעמער'ס אינסטרומענט געפונען אין גרויס געפאהר קאָנפיסצירט צו ווערען פאר ניט צאָהלען דיא טאקסע, אָבער סעניאָר בארעזי פלעגט קומען צו הילף. „אונטערשמירען" דעם בעאמטען, און מוזיק האָט זיך אלץ געהערט פון דעם קליינינקען צימער איבער'ן קרעמיל אין בוסעטאָ.

ווען ווערדי איז אלט געווען צוועלף יאָהר, האָט ער פון צייט צו צייט געשפּיעלט דעם אָרגעל אין דער קירכע פון זיין דאָרף בוסעטאָ. פון דעם קען מען שליסען, אז ער האָט געהאט קוראזש און האָט שוין דאן בעזעסען א פונק פון דעם שטאָלץ און עקשנות, וואָס זיינען שפּעטער געווען א שטיקעל צייט א פעהלער און האָבען זיך אויסגעלאָזט אלס א ברכה. סעניאָר בארעזי'ס ליבע צום אינגעל איז געווען גרויס. מיר געפינען, אז דער אָרימער יונג איז געווען גאָר אין נאָהענטע פערהעלטניסע מיט דער רייכער פאמיליע. א פרייען צוטריט צו דער פּיאנאָ האָט ער געהאט און דערצו נאָך שטונדען פון דער סיניאָרא גראציא.

צו 17 יאָהר איז ווערדי שוין געווען דער בעסטער מוזיקער אין דער געגענד. ער האָט געדורשט נאָך א גרעסערע קאריערע; דיא גרויסע אויגען האָבען געקוקט אין דער ווייטענעס; א מאָדנער עלענד האָט געקוועטשט און געדריקט דאָס הארץ, און עס האָט אזוי געצויגען אין דער גרויסער ברייטער וועלט אריין. ער האָט שוין איינמאָל געהאט געשפּיעלט אין פּארמא, עטליכע מייל ווייט פון זיין דאָרף, און דער דאָרטיגער ביסקופּ האָט איהם געזאָגט: „דיין שפּיעלען איז אָהנע צווייפעל בעסער וויא אירגענד וועלכע מוזיק וואָס מיר האָבען ווען געהערט אין פּארמא". ווערדי'ס שטערען האָט אָנגעפאנגען צו שיינען, ווען סעניאָר בארעזי האָט געקראָגען פאר איהם א פרייען איינטריט אין דער גרויסער קאָנסערוואטאָריע פון מילאן.

כמעט דער גאנצער דאָרף האָט בעגלייט דעם יונגען קינסטלער און איהם געוואונשען און געוואונשען, אז ער זאָל זיך אויסצייכענען און קריגען דיא בעסטע מעדאליען.

אין דער קאָנסערוואטאָריע האָבען איהם קודם כל דיא דירעקטאָרס גענומען אויף א פערהער, אום צו זעהען אויב ער פערדיענט דעם כבוד וואָס מען האָט איהם אָנגעטהאָן. ער האָט אָנפאנגס געשפּיעלט אויף דער פּיאנאָ, און דיא דירעקטאָרס האָבען זיך איבערגעקוקט און געסוד'עט אין דער שטיל. דאן האָט מען איהם געהייסען שפּיעלען אויפ'ן אָרגעל, און דיא גדולים האָבען זיך ווידער א מאָל געשושקעט און געמאכט גרימאסען. דערנאָך האָט מען איהם געהייסען נאָך א מאָל שפּיעלען אויף דער פּיאנאָ. ער האָט געפאָלגט און דיא עקזאמינאטאָרס האָ־

בען זיך צוריקצוציען צו בעראטהען זיך וואָס מען זאָל טהאָן.

דער שלום פון זייער ראטה איז געווען, אז דער יונגער־מאן האָט אָ׳ן איינענעם ווילען, איז עקשנות׳דיג און אז ער האָט שוין געוויסע משונה׳דיגע איינפעלע אויף דער פיאנאָ, וואָס ווילען איהם קיינמאָל ניט דערלאָזען צו ווערן א גרויסער מוזיקער. דארום קען מען איהם ניט אויפנעהמען אין דער קאָנסערוואַטאָריע.

בארעזי, וואָס איז געקומען צוזאמען מיט זיין פראָטעזשע, האָט זיך געקאָכט און געבייזערט, ערקלערענדיג, אז אלע דירעקטאָרען הויבען ניט אָן צו פערשטעהען, וואָס דער איינגעל האָט געשפּיעלט. דאָס האָט נאָר אויפגערודערט די גדולים, און זיי האָבען געענטפערט, אז א גרויסער מוזיקער אין א דאָרף איז ניט אזא צאצקע אין מילאַן, אז סעניאָר בארעזי מעג זיך נעהמען אהיים זיין זשעניע און זאָלען דיא דאָרפסלייטע קוועלען פון אזעלכע מוזיקאלישע קונצען. דיזע עצה איז פריהער פערוואָרפען געוואָרען און נאכהער געפאָלגט געוואָרען. סעניאָרינא גראציא און אנדערע פערעהרערס פון ווערדי׳ס טאלאנט האָבען זיך געטרויסט מיט דער מיינונג, אז דיא קאָנסערוואטאָריע אין מילאַן איז א פערבלענדענעס, „א פלאץ וואו מען פוצט שטיינ׳ לאך און מען פערדונקעלט דיאמאנטען". קורץ נאָך דעם האָט דער דאָרף אויסגעדריקט זיין ליעבע און אכטונג צו ווערדי מיט דעם, וואָס מען האָט איהם בעשטימט פאר דעם אָרגעל־שפּיעלער פון דער דאָרף־קירכע מיט א שכירות פון פערציג דאָלאר א יאָהר.

בערוישט פון דיזען גליק, האָט זיך ווערדי ערקלערט אין ליעבע צו דער טאָכטער פון יאסקיט דעם קרעמער, זיין פריינד און בעשיצער. דאנקבארקייט צום מאן, וואָס האָט איהם צום ערשטען געהאָלפען, האָט געהאט א סך צו טהאָן מיט דיזע אויסוואהל. הייראטהענדיג דעם קרעמער׳ס טאָכטער, האָט ווערדי גוט געוואוסט, אז מיט דעם ערפילט ער דעם הייסען וואונש פון איהר פאָטער.

זעהר א שוואכע איז געווען דיא מיידעל, איהר גייסט איז געווען אזוי פערהונגערט וויא דער אָרעמער קערפער. איהר גרעסטע מעלה איז געווען, וואָס זיא האָט הייליג געגלויבט אין דעם זשעניע פון ווערדי.

ווערדי׳ס אמביציע האָט זיך אָנגעפאנגען ארויסצוצייגען. ער האָט געשריבען אן אָפּערא און זיא געשיקט צום דירעקטאָר פון דעם טהעאטער „לא סקאלא" אין מילאַן. געהערט האָט שוין דער דירעקטאָר פון ווערדי דורך דעם, וואָס דיא קאָנסערוואַטאָריע האָט פערשלאָסען איהרע טהירען פאר איהם. דיא פיהרערס פון דער קאָנסערוואַטאָריע האָבען זיך פערטהיידיגט אין דער עפענטליכקייט, און דאָס איז געווען אן אדווערטייזמענט פאר׳ן אָרימען זשעני, וועלכען א געניטע אויג האָט שוין געקענט בעמערקען.

מארעלי, דער טהעאטער־דירעקטאָר פון מילאַן, האָט געשלאָסען פון דיא אויסדריקע „אייגענער ווילען", „עקשנות", „איינפעלע אויף דער פיאנאָ", אז דאָס איז א׳ן איינגעבאָרענער טאלאנט, און ער האָט געהאלטען אן אויג אויפ׳ן יונגען מאן. דיא אָפּערא איז אָנגענומען געוואָרען. ווערדי, פערשיכור׳ט פון האָפנונגען, האָט דאן אריבערגעקליבען זיין ביסעל אָרימקייט נאָך מילאַן, און דאָרטען האָט ער מיט זיין קריינקליכער קינדערשער ווייבעל און מיט א ניי־געבוירענעם אינגעלע, זיך בעזעצט אין א געררעט פונקט געגנאיבער דעם טהעאטער.

שנעל זיינען געמאכט געוואָרען דיא פראָבעס פאר דער אָפּערא־פאָרשטעלונג. דיא נאכט פון 17טען נאָוועמבער 1839 איז געקומען, און דיא אָפּערא איז אויפגעפיהרט געוואָרען. דיא קריטיקער האָבען עס ערקלערט פאר א דורכפאל. מארעלי האָט געזעהען, אז עס איז ניט געווען שטארק גענוג צו ציהען א פובליקום, האָט ער עס ארונטערגענומען פון דער ביהנע. פון דעם יונגען מאן האָט ער פון דעסטוועגען געהאלטען, און אזוי וויא יענער האָט זיך צוליעב איהם אריבערגעקליבען נאָך מילאַן, האָט ער זיך געפיהלט פערפליכטעט איהם צו העלפען. דעריבער האָט ער ביי ווערדי׳ן בעשטעלט נאָך א׳ן אָפּערא. נאָר א קאָמישע.

ווערדי האָט זיך געלאָזט איינריידען און האָט זיך גענומען צו דער ארבייט. קאלט איז געווען אין דעם צימער פון דעם אָרעמען קאָמפאָזיטאָר און זיין שוואכער ווייב. שטאָלץ האָט זיי ניט דערלאָזט צו לאָזען וויסען דיא פריינד אין דאָרף אפילו וואו זיי געפינען זיך. אונטער א פרעמדען נאָמען האָט ווערדי געקראָגען א קלענליכע שטעלע אין איינעם פון דיא טהעאַטערע. ער האָט אויך געשפּיעלט פּיאנאָ אין א רעסטאָראנט. זעהר קליין זיינען געווען דיא פערדיענסטען, דערפאר אָבער פלעגט ער בריינגען פון רעסטאָראן זופּען־ביינער, וועלכע דער קליינער אינגעל האָט געסמאַטשקעט מיט גרוים הנאה.

קאלט און אומעטיג איז געווען אין גערעט. נאָך א בייבי איז געבוירען געוואָרען דעם ווינטער, און קיינער איז דאן ניט געווען אין גערעט, אויסער איהם. ווערדי האָט וויא עס איז בגנבה דערוויזען צו ברינגען שטיקלאך שפייז פון רעסטאָראַן אהיים, אָבער עס האָט צו גאָר ניט געטויגט. קיין געלט צו קויפען גוטע מילך פאר’ן קינד איז ניט געווען, און דיא פערשמאכטע מוטער האָט פערזיכערט דעם מאן, אז מען דארף עס גאָר ניט נויטיג, אז דאָס קינד איז אָלרייט. דעם נפש’ל איז נמאס געוואָרען אזא לעבען נאָך איידער א מאָנאט איז פערביי, און עס איז איינגעשלאָפען, אום מעהר ניט אויפצושטעהען.....

און דיא אָפּערא־קאָמעדיע האָט בעדארפט פערטיג ווערען. מארעלי האָט געזאָגט, עס וועט געהן, דאָס פובליקום וויל לאכען, וויל זיך אמוזירען..... מאן און ווייב האָבען עס געשטודירט און אונטערגעברומט צוזאמען, נאָך אמאָל און ווידער א מאָל עס איבערגעזונגען.

עסען איז געווען זעהר ווייניג, אפילו פייער אָפּצוקאָכען עטוואָס איז ניט געווען, נאָר אזוי וויא עס איז טאקי ניט געווען וואָס צו קאָכען, האָט עס גאָר ניט אויסגעמאכט. פריהלינג האָט געהאלטען אין קומען — עס איז נאָך געווען גוט קאלט, אמת, אָבער דיא צווייגעלעך אויף דיא בוימער אין פארק האָבען שוין ארויסגעציינט סמנים פון שפּראָצען. ווערדי האָט עס געזעהען מיט זיינע אייגענע אויגען, און ער איז געלאָפען אָהן אן אָטהעם אהיים עס אָנזאָגען דער פרוי — דער פריהלינג וועט באלד קומען! דער צוויייעהריגער אינגעלע האָט ניט לאנג געקענט דערהאלטען דיא נשמה דורך דיא זופּען־ביינער. גאנצע נעכט, ווען דיא קעלט איז געווען גרויס, האָט איהם דער פאטער געהאלטען אין דיא אָרעמס און איהם געוואָרעמט מיט זיין קערפּער. איין פריה־מאָרגען איז ווערדי אויפגעשטאנען און געפונען דאָס קינד שטייף און קאלט. דער אינגעלע איז געווען טויט...

גאנצע טעג איז דיא מוטער געלעגען אין בעט פון דאן אָן. זיא איז ניט קראנק, האָט זיא ערקלערט, חלילה — נאָר זעהר מיעד, אזוי מיעד! וויא שעהן זיא איז דאמאָלס געווען! ער האָט איהר קיינמאָל ניט געזעהען אזוי שעהן. צוויי ראָזע פלעקען האָבען געברענט אויף דיא באקען, ווען דאָס גאנצע געזיכט איז געווען אלבאסטער־ווייס. דיא אויגען האָבען געגלאנצט מיט אזא ליכט, וואָס ווערדי האָט נאָך קיין מאָל ניט געזעהן. חלילה, זיא איז ניט קראנק, האָט זיא איהם פערזיכערט וויעדער און וויעדער. זיא ליעגט נאָר אין בעט זיך אָנצו־ווארעמען, און אז מען בעוועגט זיך ניט, דארף מען דאָך ווייניגער עסען. וואָס איז דאָ ניטאָ צו פערשטעהן?

פריהלינג איז געקומען. דיא אָפּערא איז געגאנגען פאָרווערטס. איין פּראָבע נאָך דער אנדערער איז געמאכט געוואָרען. דער נאָמען פון דער שטיק איז געווען: Un Giorno di Regno מארעלי האָט זיך גערעכט אויף אן ערפאָלג. ווערדי איז געווען זיכער אין דעם.

דיא נאכט פון דער פאָרשטעלונג איז געקומען. נאָך’ן ערשטען אקט איז ווערדי אָהן אן אָטהעם אריבערגעלאָפען דיא גאס, ארויפגעשפרונגען דריי טרעפּ אויף איינמאָל און דערגרייכט ביז צום צימעריל אונטערן דאך אָנזאָגען דיא גוטע בשורה, אז דיא אָפּערא איז געווען אן ערפאָלג. דיא פערשמאכטע, וואָס איז געלעגען אויפ’ן בעטעל מיט דיא שטראהלען פון דער לבנה אויף איהר געזיכט, האָט געוואוסט, אז עס וועט זיין אזוי. מיט אלע כוחות האָט זיא זיך געפּרופט אויפהויבען. עס האָט זיך איהר אזוי געוואָלט אויסשרייען: „וויווא ווערדי!“ אָבער דער הוסט האָט ניט דערלאָזט, און זיא איז געפאלען צוריק. ווערדי האָט בעדעקט מיט הייסע קושען איהר שטערען, איהרע הענד, איהרע האָאָר, און האָט זיך שנעל געלאָזט צוריק צו זעהען, וויא דאָס פובליקום וועט אויפנעהמען דעם צווייטען אקט. שטיל איז אָבגעגאנגען דער אקט, אָהן אפּלאָדיסמענטען. ווערדי איז געלאָפען אָנזאָגען זיין קראנקע ווייבעל, אז דאָס פובליקום איז א ביסעל קריטיש, אָבער אז דיא אָפּערא איז גוט, אן ערפאָלג. ער האָט זיך בערעכענט, אז ער וועט בלייבען אין דער היים און ניט געהן צו דעם דריטען וויא אויך דעם לעצטען אקט. יא, בעסער אכטונג געבען אויף דער פרוי. יעצט דארף זיא ווערען געזונד און גליקליך. דיא אָפּערא איז אן ערפאָלג.

זיא האָט זיך געבעטען ער זאָל זיא לאָזען און קומען נאָך דער ענדע איהר אלעס דערציילען.

ער איז אוועקגעגאנגען.

גאנץ שפּעט, ווען ער איז געקומען צוריק, האָט ער זיך געשלעפּט אויף דיא טרעפּ. לאנגזאם האָט ער געעפענט דיא טהיר און אריינגעקומען אין גערעט.

דעם לעצטען אקט האָט מען ניט געענדיגט — דאָס פובליקום האָט דיא ארטיסטען ארונטערגעפייפט פון ביהנע....

אלעס האָט דיא קראנקע פרוי געלעזען אויף

איהר מאן׳ס געזיכט—שווארץ, פעראומערט וויא די נאכט. זיא האָט געפּרופט א שמייכעל טאָן. א דארע ביינערנע האנט האָט זיא אויסגעשטרעקט, אויף וועלכע עס האָט זיך לויז געהאלטען א הופּה־רינג. די האנד איז צוריקגעפאלען נאָך איידער ער האָט זיא אָנגעכאפּט. די פערהונגערטע גלידער האָבען זיך מעהר שוין ניט גערירט. נאָר אויף די געשלאָסענע אויגען האָבען געגלאנצט צוויי גרויסע, לאנגע טרערען. דער גייסט איז געווען בראוו, אָבער דער קערפּער האָט אויפגעגעבען דעם קאמפף.

III

די אונגליקען וואָס האָבען זיך ארויפגעיאָגט אויף ווערדי׳ן מיט אזא גרויזאמקייט, האָבען איהם פאר דער צייט פערפינסטערט און געבראָכען זיין שטאָלצע הארץ. נאָר זעקס און צוואנציג יאָהר אלט, אָבער ער האָט שוין פערזוכט דעם טעם פון לעבען און עס איז געווען ביטער.

ער האָט פערלאָרען דעם אינטערעס אין יעדע זאך: די מוזיקאלישע שטודיען פערנאכלעסיגט, דאָס ביסעל וויסענשאפט פערוואָרפען. ער האָט זיך צופרידענגעשטעלט מיט דעם, וואָס ער האָט געבראזגעט די פּיאנאָ אין א ביליגען קאָנצערט־זאל, וואו ער האָט קוים פערדיענט אויף א שטיקעל ברויט. זעלבסטמאָרד האָט איהם געשיינט צו זיין דער איינציגער אויסוועג פון אלע זיינע צרות, און לאנג האָט ער געטראכט און געדענקט וועגען דעם בעסטען מיטעל, וויא אזוי עס אויסצופיהרען. דערווייל האָט ער פערבראכט די צייט לעזענדיג אלערליי שונד־ראָמאנען — פערגעסען האָט זיך איהם געוואָלט אלעם ארום זיך, און ער האָט זיך אָנגעכאפּט אָן וואָס־ניט־איז, זיך צו פערשלעפערען, זיך צו פער׳חלום׳ען אויף א ווײַלע.

צוויי יאָהר זיינען אוועק אין דיזען צושטאנד פון שלומער און נאכט. ער איז געווען זיכער, אז דער וואונש צו טאָן, צו שאפען, צו לעבען, איז ביי איהם אויף אימער פערשוואונדען. איין טאָג, ארומבלאָנזענדיג צוועקלאָז, האָט ער בעגעגנט מארעלי. געהענדיג צוזאמען, האָט מארעלי ארויסגענומען א ביכעל און עס געגעבען ווערדי׳ן צו זעהען, אויב עס איז ניטאָ אין דעם מאטעריאל גענוג פיר א רעכטע אָפּערא. ווערדי האָט געענטפערט, אז ער האָט אויפגעגעבען די נארישקייטען, ער שרייבט מעהר קיין אָפּעראס. ער האָט פון דעסטוועגען גענומען דעם בוך, אָבער עס האָט זיך ביי איהם ארומגעוואלגערט עטליכע טעג איידער ער האָט עס דורכגעלעזען. ער האָט אוועקגעלייגט דעם בוך און האָט א צייט לאנג ארומגעשפּאנט איבערן צימער אהין און צוריק. א מעכטיגער פערלאנגען צו שאפען האָט איהם פלוצלונג ארומגענומען; א פּלעצליכער אויסגוס פון געדאנקען האָט, וויא א רייסענדער שטראָם, גענומען פליסען אין זיין מוח. זיין גייסט איז נאָך ניט געווען טוידט — ער האָט נאָר געדרעמעלט.

ער האָט דאן געקראָגען צו לייהען א פּיאנאָ און האָט זיך גענומען צו דער ארבייט. אין א מאָנאט איז א נייע אָפּערא געוואָרען פערטיג. מארעלי האָט זיך אָבער ניט געאיילט זיא צו קויפען — צוויי מאָל האָט ער שוין פערלאָרען געלד אויף ווערדי׳ן. ענדליך האָט ער בעשלאָסען צו לאָזען אויפפיהרען דיזע אָפּערא, אָבער נאָר מיט דעם תנאי, אז ווערדי זאָל קיין גראָשען פערלאנגען פאר די ערשטע דריי אבענדען, און אויב עס וועט זיין אן ערפאָלג, וועט מען ערשט נאכהער ריידען פון קויפען, אויב מארעלי וועט עס וועלען, און דער פּרייז זאָל דאן זיין בלויז טויזענד פראנק.

ווערדי האָט קיין אינטערעס גענומען אין אויפפיהרונג. ער איז געקומען צום שלום, אז „דער עולם איז א גולם“, און מען קען קיינמאָל ניט וויסען, וואָס דאָס „האָכגעשעצטע“ פּובליקום וועט אפּלאָדירען אָדער אויספייפען. איהם איז געקומען אויפ׳ן זין די פינסטערקייט פון יענער נאכט, ווען אן אנדער אָפּערא איז אויפגעפיהרט געוואָרען מיט צוויי יאָהר צוריק, און ער האָט זיך פערשפּארט אין זיין ענגען צימער און זיך געלייגט שלאָפען.

די זון איז קוים אויפגעגאנגען דעם נעכסטען פריהמאָרגען, ווען ווערדי האָט דערהערט א שטארקען קלאפּען אין טיר. מארעלי איז ארייינגעלאָפען מיט אן אימפּעט. „וויפיעל ווילסטו פאר דיין אָפּערא?“ האָט ער שנעל א פרעג געטהאָן.

— דרייסיג טויזענד פראנק — האָט זיך דערהערט א קלאָרע, הויכע שטימע פון בעט.

— זיי ניט קיין דומקאָפּ — האָט זיך געבייזערט מארעלי.— פאר וואָס עפּעס פערלאנגסטו אזא סומע?

— דערפאר ווייל דו ביזט געקומען פינף אזייגער אין דער פריה — נאָכמיטאג וועט דער פּרייז זיין פופציג טויזענד.

צעהן מינוט צייט האָט מען זיך ארומגע־

שמועבט, דאן האט מארעלי אויסגעשריבען א טשעק אויף צוואנציג טויזענד פראנק. און ווערדי האט געלייגט זיין חתימה, האט זיך איבערגעקעהרט אויף דער אנדערער זייט און איז גאנץ געשמאק אנשלאפען געווארען.

## IV.

דאס איז געווען דיא אפערא „נאבוקא". זיא האט געהאט א גרויסען ערפאלג. ווערדי האט געהאט זיינע צוואנציג טויזענד פראנק. אבער מארעלי האט געמאכט פיעל מעהר.

פון דיזער צייט ביז 1850 האט ווערדי פיבעריש געשאפט. דיזע צייט קען גערופען ווערען דיא ערשטע ווערדי פעריאדע. אין רוים, נעאפעל, וועניס, פלארענץ און אין מילאן האט מען אין איין צייט געשפיעלט זיינע אפעראס. דיזער זשעניע איז אויך געווען א גוטער געשעפטסמאן, ער האט געוואוסט וויא ארויסצוקריגען וואס מעהר פאר זיין ארבייט, און געלד האט זיך געגאסען פון אלע זייטען.

אין יאהר 1850 האט ווערדי ווידער אמאל געהייראט, און אין זיין לעבען האט זיך אנגעפאנגען וואס מיר קענען רופען דיא צווייטע ווערדי פעריאדע. מען זעהט שוין מעהר ניט אזעלכע סמנים פון שלעכטען געשמאק, וויא א באלעט פון פערציג מכשפות אין „מאקבעט", טאנצענדיג א „פרייליכעס" מיט ליידי מאקבעט אין מיטען, אנגעטהאן אין א זעהר פערקורצטע קליידעל און זינגענדיג א טרינק-לידעל צום אבווענדען ליעבהאבער. אנטשטרענגענדיג זיך צו פערמיידען אזוינע שטעלען, גיט ער אונז אפט א ביסעל צו ווייכע סענטימענטאליטעט, אבער דיא ענדערונג איז צום בעסערען.

זיין פרוי איז געווען איינע פון דיא וויניגע, וואס זיינען געבענשט מיט א קאפ פול דענקונגס-קראפט און אויך מיט א הארץ פול עדעלע סימפאטהיע. זיא איז געווען זיין גייסטיגער חבר, זיין פריינד. קנאפע פופציג יאהר האבען זיי געלעבט צוזאמען. איהר שטויב ליגט יעצט אין „דאס הויז פון רוה" אין מילאן, א היים פאר אלטע ארטיסטען, וועלכע ווערדי האט געבויט. דיזע „הויז פון רוה" איז געווען א ליבלינגס-געשאנק, געווידמעט צו איהר, וואס האט ניט געקארגט און געגעבען פריי פון דער רייכקייט פון איהר נאטור; צו איהר, וואס האט איהם געבראכט ליבע, פרידען, האפנונג און זעליגע ליעבע. זיא האט ניט געהאט קיין פיבערישע אמביציע צו וועלען פאר זיך אליין ערווערבען רוהם, קראפט, בעוואונדערונג און לויב. אוועקגעבענדיג אלעס, האט זיא געוואונען אלעס. מיט לייב און זעעלע האט זיא זיך איבערגעגעבען דעם, אין וועמען זיא האט הייליג געגלויבט, און דער רעזולטאט איז געווען, אז ער האט הייליג געגלויבט אין איהר. צוזאמען זיינען זיי געווארען גרויס און בעריהמט. ווען יעדער פון זיי איז שוין געווען א „אכציגער", האט זיי דער ענגלישער שריפטשטעלער הענרי דזשיימס געזעהען אין קרעמאנא אויף א מוזיקאלישען פעסט צו עהרע פון דעם געבורטסטאג פון סטראדיוואריוס. און הענרי דזשיימס האט געשריעבען פאלגענדעס:

„ווערדי און זיין פרוי זיינען געווען בעוואונדערט פון אלעמען. און וואס איז דער וואונדער? דענקט נאר ווער זיי זיינען און וואס זיי שטעלען פאר מיט זיך — א קנאפען יאהרהונדערט פון מוזיק און א יאהרהונדערט פון לעבען! דער מאעסטרא איז הויך, שלאנק, שטאלץ און בעפעהלענד. ער האט נאך מאניערען פון א וואהרען ריטער; און ער האט געקושט זיין פרוי'ס האנד, ווען ער האט גענומען אבשיעד פון איהר אויף א שטונדע".

## V

„ריגאלעטא", אויפגעפיהרט אין וועניס אין 1851, איז בעגרינדעט אויף וויקטאר הוגא'ס „דער קעניג אמוזירט זיך", און דיא מוזיק האט דעם זעלבען דראמאטישען פייער, וואס געפינט זיך אין הוגא'ס ווערק. ווערדי'ס איבערגעבענהייט צו הוגא זעהט זיך אויך שפעטער אין דער בעארבייטונג פון „ערנאני". „טרובאדור" און „טראוויאטא" האבען נאכגעפאלגט „ריגאלעטא" און די דריי אפערא'ס ווערען געוועהנליך גערעכענט אלס ווערדי'ס מייסטערווערקע. דער קאמפאזיטאר אליין האט געהאט א בעזאנדערס גוטע מיינונג וועגען דיזע אפעראס. מען מעג עס איהם פערגעבען, ווייל ער פלעגט זאגען, אז ער און זיין פרוי האבען ביידע געשאפען: זיא האט געשריעבען דיא מוזיק און ער האט געקוקט. וויא ווייט דאס איז אמת, איז שווער צו זאגען. אבער דער פאקט בלייבט, אז „טרובאדור" איז אימער געווען ווערדי'ס ליעבלינג, און ביז ניט לאנג פאר זיין טויט פלעגט ער פאהרען די ווייטעסטע שטרעקען צו הערען עס שפיעלען.

דער גייסט פון שעפפונג וואס האט אויפגעפלאמט און פראדוצירט „ריגאלעטא", „טרובאדור" און „טראוויאטא", האט זיך ביסלעכווייז

אָבגעשטילט און איז געוואָרען רוהיג. דער זעליגער גליק פון ווערדי׳ס פערהייראטהען לעבען, דער רייכטהום וואָס ער האָט זיך ערוואָרבען, און דער בעוואוסטזיין, אז ער האָט געוואונען צום טראָטץ פון אלע הינדערניסע, האָט געבראכט דעם וואונש פאר א שטילע און רוהיגע עלטער. דער מאעסטראָ האָט זיך גענומען אינטערעסירען אין פּאָליטיק און איז ערוועהלט געוואָרען צו רעפּרעזענטירען א דיסטריקט פון פּארמא אין דעם איטאַליענישען פּארלאמענט.

דער געניאַלער מוזיקער איז געווען א דעמאָקראט און האָט קיין מאָל ניט געזוכט צו געווינען חן אין דיא אויגען פון דעם קעניג און פון דער אריסטאָקראטיע. ער האָט ניט פערגעסען, אז ער איז א קינד פון פאָלק, פון „פּראָסטען פאָלק“. רייכטהום און רוהם, מאכט און גלאַנץ האָבען איהם ניט פערדאָרבען, ניט אָבגעשוואכט זיינע סימפּאטיען צום אָרימען פאָלק.

וויא טריי ער איז געבליבען צו זיך זעלבסט, צו זיינע דעמאָקראטיישע געדאנקען, צייגט אונז פאָלגענדער פאקט:

נאָך דיא ערמאָרדונג פון קעניג הומבערטאָ האָט זיך דיא רעגיערונג געווענדעט צו איהם, ער זאָל קאָמפּאָנירען א טרויער־מאַרש; אבער ער האָט זיך ענטזאגט פון דיזען כבוד. ער האָט איינפאך ערקלערט, אז דיזער פאל קען ניט ארויסרופען אין איהם דיא נעטהיגע בעגייסטערונג פיר דיא קאָמפּאָזיציאָן פון א טרויער־מאַרש...

דיא געפיהלע זיינע, זיין סענטימענטאלע זייט האָט זיך ארויסגעוויזען אין דעם, וואָס ער האָט אָבגעקויפט אין בוסעטאָ, זיין געבורטסאָרט, דעם פּאלאַץ וואָס האָט בעלאנגט צו סעניאָר בארעזי. ער האָט געלאָזט אראָפּנעהמען דעם הויכען פּארקען מיט דיא אייזערנע שטאנגען און אנשטאט דעם אויפגעשטעלט א ניעדריגע, שטיינערנע וואנד; ער האָט איבערגעסטראָיעט דאָס הויז אין א קליינעם טהעאטער וואו פרייע קאָנצערטע פלעגען אָפט געגעבען ווערען מיט דער הילפע פון דיא דאָרפס־לייט. דאָס לאַנד דערביי מיט דעם גרויסארטיגען פּארק זיינען פריי פאר׳ן פּובליקום.

דיא טעג און דיא יאָהרען האָבען זיך געצויגען און דער מייסטער האָט קיין נייעס געשאפען. ער האָט זיך בעגנוגט מיט׳ן פערגניגען פון הערען מוזיק; איז געפאָהרען פון איין פּלאַץ צום אנדערען צו הערען שפּיעלען זיינע פערשידענע אָפּעראס; האָט גע׳חלומ׳ט טיפע חלומות.

צעהן יאָהר פון רוהיגען דאָרפסלעבען זיינען אוועק, ביז דער שאף פון פערזיען, וואָס איז געווען אויף א וויזיט אין איטאליען און האָט בעגעגענט ווערדי׳ן, האָט איהם געבעטען צו שאפען א׳ן אָריענטאַלישע אָפּערא.

עס איז צווייפעלהאפט, אויב זיין פּערסישע מאיעסטעט האָט געוואוסט, אז אָפּעראס ווערען געשאפען נור אין געוויסע לוינען און קענען ניט געמאכט ווערען צו אָרדער אזוי, וויא א סטאָליער בויט א פאַרקען. אָבער דאָס איז געווען זיין וועג ארויסצודריקען אכטונג צום גרויסען מאעסטראָ.

ווערדי האָט זיך בעשמייכעלט אין באָרד אריין, זיין פרוי האָט צוגעשמייכעלט פון איהר זייט און זיי האָבען געהאט א פיינעם שפּאס איבער דעם. זיי האָבען צוזאמענגערופען דיא פריינד און דיא שכנים און געטרונקען צום וואָהלזיין פון א וואהרען, לעבעדיגען שאף, וואָס פערשטעהט זיך אויף א זשעניע ווען ער בעגעגענט איהם.

אָבער פּלוצלונג האָט דער געגענשטאנד אָנגענומען א געשטאלט אין דעם קינסטלער׳ס מאָרך. ער האָט זיך גענומען צו דער ארבייט, און דער רעזולטאט איז געווען, אז „אאידא“ איז געשאפען געוואָרען אין עטליכע וואָכען. דיא געשיכטען וואָס מען דערצעהלט אָפט פון דיא לאַנגע פאָרבערייטונגען צו קאָמפּאָנירען דיזע אָפּערא, בעוויזען נור דיא פאָרשטעללונגסקראפט פון דיא מענשען, וואָס שרייבען פאר דיא צייטונגען. ווערדי׳ס געדאנקען האָבען זיך ארויפגעוואָרפען אויף א טהעמא אזוי וויא דער טייוועל־פיש פערשלינגט זיין אָפּפער — ער האָט אלעס ארומגענומען מיט א בליק.

„אאידא“ איז אויפגעפיהרט געוואָרען אין קאירא אין 1871 מיט בריליאנטענע עפּפעקטען און מיט דיא בעסטע טרופּפּע, וואָס מען האָט נאָר געקענט קריגען. א נייע ווערדי־אָפּערא איז ניט געווען פון דיא געוועהנליכע פּאסירונגען, און קריטיקער זיינען אָנגעפאָהרען פון פּאריז, לאָנדאָן און אנדערע גרויסע שטעדט צו זעהען דיא פאָרשטעלונג.

דאָס ערשטע, וואָס דיא גדולים האָבען געזאָגט, איז, אז ווערדי האָט זיך צו פיעל אָנגענומען מיט וואגנעריזם און אז ער האָט געשטודירט „לאָהענגרין“ אונערמיעדליך. אויב ווערדי איז בעאיינפלוסט געוואָרען פון וואגנער׳ן איז דאָס

געווען צום גוטען, אָבער שקלאַווישע נאַכאַהמונג האָט מען אין זיינע ווערק קיין מאָל ניט בעמערקט.

אלע האָבען איינגעשטימט, אז דיא רוהע וואָס דער מייסטער האָט גענאָמען, האָט געהאט א גוטע ווירקונג אויף איהם. דיא קאָררעספּאָנדענטען האָבען געשריעבען: „מיר וועלען איינגעדולדיג ארויסקוקען אויף דאָס נעקסטע“. זיי האָבען געמיינט, אז דער שטראָם האָט זיך צוגאָסען און עס וועט זיין א פערפלייצונג.

אָבער זיי האָבען געהאט א טעות. זעכצעהן יאָהר פון רוהיגען לעבען אין בוכעטאָ האָבען גע פאָלגט. ווערדי איז געווען מעהר בעראינטערעסירט אין זיינע בלומען, וויא אין דער מוזיק. ער האָט געזאָגט, אז ער האָט ליעב זיינע פערד בעסער, וויא אלע פּרימאדאָננאס אין דער וועלט.

אָבער אין 1887 האָט דיא ארטיסטישע און מוזיקאלישע וועלט געהאט א זעלטענע אנגענעהמע איבערראשונג אין דער ערשיינונג פון „אָטהעלאָ“. דיזע גרויסארטיגע אָפּערא האָט שוין ענטשולדיגט פאַר דאָס איבקאליעטשען פון „מאקבעט“. דער קריטיקער דזשייפּס הונעקער זאָגט: „די כאראקטערע אין „אָטהעלאָ“ זיינען געצייכענט מיט'ן פּינזעל פון א קינסטלער; דיא האנדלונג וואקסט אין פּראָצעסיאָנעלער פּראכט: דיא פּסיכאָלאָגיע פון דער מוזיק איז דעליקאט און נאטירליך. ענדליך דאָט ווערדי'ס זשעניע ערדרייכט דיא העכסטע בליהונג. דאָס ווערק איז בעהלערלאָז און פאָלקאָמען“.

„פאלסטאף“ איז ערשיענען נאכהער פון א'ן אכציג יעהריגען מאן, אזוי וויא נאָר צו איבערצייגען אז דאָס הארץ ווערט קיינמאָל ניט אלט. עס איז דיא ארבייט פון א גרייז וואָס האָט ליעב דאָס לעבען, וואָס האָט בעטראכט דיא וועלט פון שטאָף און גייסט פון אלע זייטען. אלטע מענשען גיבען זיך געוועהנליך אָב מיט מוכר זאָגען און מיט לעבען אין דער פערגאנגענהייט — אָבער דאָ איז דאָס ניט געווען דער פאל. דיא מויזק פליעסט מיט א געזונטען הומאָר, א רוישענדע טייכעל פון גלעכטער שטראָמט און צוגיכט זיך אין אזוינע העלפּארבענדע קאָלירען, אז דיא קריטיקער האָבען זיך געכאפּט צוריק און זיך ענטשולדיגט אויף דעם, וואָס זיי האָבען געזאָגט וועגען וואגנערישע מאָטיווען. קיין טרויעריגע טענער האָבען זיך ניט געהערט אין ווערדי'ס זשעני. ווען ער איז געשטאָרבען אין עלטער פון 87 יאָהר, איז דער פאָרהאנג געפאלען אויף א קאריערע פון א גרויסע און מעכטיגע פּערזאָן — דער אונפערגליכענער זינגער פון לעצטען יאהרהונדערט.

# יא גרויסע וועלט=דראמע:

## איוב דער „פּיעל־צרה'דיגער“.

אין דעם גייסטיגען לעבען פון דעם אלטען אידישען פאָלק האָט זיך אויף אויסגעדריקט א ריכטונג פון סקעפּטיציזמוס און א פּראָטעסט געגען דעם אלמעכטיגען וועלט־הערשער און אויטאָריטעט יהוה, וועלכער מאכט פון'ם לעבען א טראגעדיע. דער אידישער פּראָטעסטאנט איז ניט דער מעכטיגער קעמפּפער. דער שטארקער טיטאן פּראָמעטעאוס; נאָר דער דענקענדער און וועלט־שמערץ־ליידענדער, „פּיעל־צרה'דיגער“ איוב.

וואָס איז דער אונטערשיעד צווישען איוב און פּראָמעטעאוס? דערזעלבער אינטערשיעד, וואָס צווישען דעם גרויסען דיכטער געטהע און דעם רוסישען מאָראליסט לעוו טאָלסטאָי. געטהע איז א נאָכפאָלגער פון פּראָמעטעאוס, ער איז א קלאסישער גריעך. לעוו טאָלסטאָי איז א תלמיד פון דעם פּיעל־צרה'דיגען איוב, ער איז א כשר'ער איד. געטהע זאָגט צום גריכישען גאָט צעאוס מיט פּראָמעטעאוס'עס מויל:

האָסטו נאָר געוואָלט
איך זאָל דאָס לעבען האַסען,
אין דיא מדבריות לויפען,
ווייל נאָדניט אַלע

בלומען־טרוימען זיינען צייטיג?
אָט דאָ בלייב איך און בילד מענשען
נאָך מיין געשטאַלט,
דורות, וואָס זאָלען פעהיג זיין
צו ליידען, צו וויינען,
צו געניסען, צו פרעהען זיך
און דיר ניט צו אַכטען,
אַזוי וויא איך.

טאָלסטאָי זאָגט צו דער וועלט מיט איוב'ס ווערטער: „והחכמה מאין תבוא? ואי זה מקום בינה? ונעלמה מעין כל חי ומעוף השמים נסתרה....“ (פון וואנען נעהמט זיך דיא חכמה און וואו געפינט זיך דיא וויזהייט? זיא איז פערבאָרגען פון יעדען לעבענדען אויג, זאָגאר דיא פויגלען אין דיא הימלען האָבען זיא קיין מאָל ניט געזעהן.) לעבען, פרייד, גענוס? — דאָס איז אַלעס אומווירדיג. „למה יתן לעמל אור וחיים למרי נפש?“ — וואָס דארפען ליכט דיא פערמאַטערטע זעעלען? „השמחים אלי גיל ישישו כי ימצאו קבר“ — דיא וואָס פרייען זיך שוין יא מיט א שמחה, זיינען נאָך פרייליכער, ווען זיי געפינען פיר זיך א קבר....

דיא גרויסע לעבענס־דראַמאַ, וועלכע ווערט יעצט געשפּיעלט פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער איז א צוזאַמענגעמישטער פּראָדוקט, וועלכער איז געשאַפען געוואָרען פון דער גריעכישער און אידישער ציוויליזאַציאָנען. ביידע ציוויליזאַציאָנען, דיא אידישע און דיא גריכישע, זיינען שטענדיג געווען פיינדליך איינע צו דער אַנדערער. זייערע אויפגאַבען זיינען געווען געגענזעצט. דיא גריעכישע ציוויליזאַציאָן האָט אַם מייסטען געשטרעבט נאָר צו ערפינדען אַזעלכע איינריכטונגען און אינסטיטוטען, וועלכע זאָלען פערבעסערען דיא אומשטענדען פון מענשען'ס מאַטעריעלען לעבען. זיא האָט געזאָרגט פיר דעם מענשען'ס וועלט. דיא אידישע ציוויליזאַציאָן האָט זיך הויפּטזעכליך אינטערעסירט נאָר מיט דער גייסטיגער, אינערליכער וועלט פון מענשען. דיא דאַמאָלסדיגע ווילדע אייראָפּעער האָבען פון רוים ערהאַלטען בירושה אַלעס וואָס דיזע ביידע ציוויליזאַציאָנען האָבען בעשאַפען.... עס איז געווען א מיש־מאַש פון אידישע מאָראַל מיט גריעכישע פילאָזאָפיע, פון קריסטליכע ענטזאַגונג און זעלבסט־אויפּאָפּפערונג מיט דער קלאַסישער שטרעבונג צו שעהנהייט און גענוס.... פיעל יאָהרען זיינען שוין פערביינעגאַנגען, פיעל היסטאָרישע אַקטען פון דער וועלט־דראַמאַ זיינען שוין אָפּגעשפּיעלט געוואָרען, און דיזע צוויי ריכטונגען זיינען נאָך אַלץ ניט צונויף געשמאָלצען געוואָרען גענצליך. איז גובר אדום, דאַן פאַלט ירושלים.... דאָס הייסט, איז ביי דיא אייראָפּעער פעלקער שטאַרקער דיא שטרעבונג צום אויסבעסערען די אויסערליכע וועלט פון מענשען, דאַן שטאַרקט זיך דיא גריעכישע ריכטונג. ראַציאָנאַלע מיינונגען הערשען, וויסענשאַפטען ענטוויקלען זיך, דיא קונסט מאַכט פאָרטשריטע, נייע פּאָליטישע איינריכטונגען בליהען אויף — דאַן זינגט געטהע! פערקעהרטה אָבער, שטעהט אויף ירושלים, דאַן פאַלט אדום.... דיא אידישע ריכטונג שפּיעלט דאַן דיא ערשטע פידעל אין אָרקעסטער. איהר סאָלאָ איז זעהר מינאָר. מען פאַנגט אָן נאָכצודענקען, גריעבלען, ליידען פון וועלט־שמערץ.... דער מענש קוקט זיך ארום און זעהט, אַז דיא אַלע חכמות העלפען ניט צו ערקלערען דיא געהיימניספאָלע פּראָבלעמען פון לעבען, דיא אַלע וויסענשאַפטען און קונסטען מאַכען ניט דעם מענשען ריינער, בעסער און נאָבלער, דיא אַלע איינריכטונגען און אינסטיטוטען מאַכען ניט דעם מענשען גליקליכער און פערגרינגערען ניט זיינע צרות און זיינע ליידען — דאַן פאַנגט אָן צו פילאָזאָפירען לעוו טאָלסטאָי....

דער גריעכישער סקעפּטיקער און גאָט'ס געגנער פּראָמעטעאוס איז א מעכטיגער העלד, געשמיעדעט אין קייטען און דאָך פריי, פערמאַטערט פון ווייטאָגען און שמערצען און דאָך שטאַרק, פּראַונגליקליכט און דאָך שטאָלץ. איהם האָט בעשאַפען דיא פאַנטאַזיע פון פאָלק, ביי וועלכע פיזישע ענטוויקלונג און פיזישע שעהנהייט האָבען זיך געשעצט פונקט אַזוי וויכטיג וויא וויסענשאַפט און פּאָעזיע. חכמה און גבורה זיינען געווען ביי זיי גלייך פערגעטערט.

דיא פאַנטאַזיע פון אידישען פאָלק האָט בעשאַפען א סקעפּטיקער, א מענשען, וועלכער איז בעדעקט מיט קרעץ און וואונדען, א פּאַטער, ביי וועלכען מען האָט געראַובט דיא קינדער, א גרויסער גביר, וועלכען מען האָט געמאַכט פאַר א בעטלער, א געעהרטען מענש, וועלכען מען האָט ערנידעריגט און געמאַכט צו שאַנדע און שפּאָט....

פאַר וואָס קומט עס איהם? האָט ער עס פערדיענט? ניין! אין הימעל זיצט א מעכטיגער הערשער, וועלכער וויל זיין טרייען קנעכט פּראָבירען. עס איז א נסיון. איוב האָט בעשאָטען זיין קאָפּ מיט אַש, האָט זיך געזעצט

אויף דער ערד און האָט מיט געדולד זיינע צרות געטראָגען.... דיא פיזישע קראפט פון פּראָמעטעאוס לאָזט איהם ניט רוהען; ער שרייט פון דיא הויכע קאווקאזער בערג, רייסט דיא קייטען און רופט צום קאמפף. איוב זיצט אויף דער ערד מיט אש אויפ'ן קאָפּ, דולדעט און שווייגט. דיא שעהנהייט און גרויסקייט פון פּראָמעטעאוס'עס קראפט בעצויבערט אייך. דיא געדולדיגקייט פון איוב'ן צו ליידען און צו ערטראָגען צווינגט אייך צו שטוינען.... לאכט ניט פון דעם פיעל־צרה'דיגען איוב, ער איז ניט שוואכער פון דעם טיטאן פּראָמעטעאוס! דער סקעפּטיציזמוס פון דעם גריעכישען פרייהייטס־קעמפּפער לעבט ביי דיא ציוויליזירטע פעלקער, אָבער אין איין רייהע מיט איהם לעבט אויך דער זעלבסט־אנאליז און דאָס רעפלעקטירען פון איוב'ן. דיא גריעכישע ציוויליזאציאָן פּראָדוצירט א פ א ו ס ט, דיא אידישע ציוויליזאציאָן פּראָדוצירט א ה א מ ל ע ט. איהר וועט קענען בעגרייפען דיא מאכט פון איוב'ן, אויב איהר וועט דענקען א ביסעל וועגען דעם שיקזאל פון אידישען פאָלק, זיין לאנגע געשיכטע פון דולדען און פערטראָגען. דאָס אויסערוועהלטע פאָלק טראָגט אין זיך דיא קערנער פון איוב'ס צרות, און זיין מארטיראָלאָג איז דיא בעשרייבונג פון אידישען לעבען....

איוב זעהט דיא אונאָרדנונג, וועלכע הערשט אין מענישען'ס לעבען, פיהלט דיא אונגערעכטיגקייט און צוועקלאָזיגקייט פון פיעלע ערשיינונגען און פאנגט אָן צו צווייפלען. פּראָמעטעאוס איז א גריעכישער ריעז, ער רופט ארויס צעאוס'ן אויף א „פייט“, איוב איז ניט שטארק צו טהאטען, ער דענקט און פיהלט. ער איז בערייט צו אנער־קענען יהוה'ס אווטאָריטעט, אויב יהוה וויל אָפּען מיט איהם דיסקוטירען איינינע וויכטיגע פראגען און אויב ער וועט זיך האלטען אין דער דעבאטע רוהיג און וועט זיך ניט בייזערן. פּראָמעטעאוס געהט אוועק פון מענישען'ס אינערליכען לעבען צו ערשיינונגען פון קאָסמאָס; ער איז א שטארק ענטוויקעלטע אינדיווידואליטעט און געהט פון'ם איינציגען צום אוניווערזום, פון'ם „איך“ צו דער אלל־וועלט. איוב פערקעהרט. געהט פון דער אייבערער וועלט צום אינערן „איך“, פון'ם אוניווערזום צו דיא פּראָבלעמען פון'ם מענישען'ס לעבען. פּראָמעטעאוס, גראדע וויא שפּעטער דער געלעהרטער דאָקטאָר פ א ו ס ט, איז בעשעפטיגט מיט דער פראגע: וואוהין פיהרט דאָס שטערבען? און איז ניט מעגליך צו פערניכטען דיא אורזאכען, וועלכע הינדערן דעם מענשען, אויב ניט צו זיין א'ן אונשטערבליכער גאָט, לכל הפחות צו זיין א'ן „אלל־מענש“... איוב, פערקעהרט, אזוי וויא אויך שפּעטער ה א מ ל ע ט, דער בלאסער פּרינץ פון דענעמארק, ליידעט פון דער קראנקהייט, וועלכע רופט זיך וועלט־שמערץ און דיינקט נאָר פון דיא אורזאכען, וועלכע געפינען זיך אין דעם מענשען גופא, אין זיינע פּסיכישע, גייסטיגע אייגענשאפטען, וועלכע הינדערן איהם זיין אייגענעם „איך“ צו בעפרידיגען, זיינע אייגענע זעעלע צו ענטוויקלען, זיין גייסט צו שטעלען העכער פון די נארישע שטרעבונגען און ווערטלאָזע ווינשע. אויב עס איז מעגליך צו עררייכען אזא בעפרידיגענדען גייסטיגען צושטאנד, פאר וואָס זאָל דער מענש ניט געפינען מיטלען דערצו? און אויב עס איז אונמעגליך, וואָס־זשע פאר א זין האָט דאָס לעבען, וואָס פאר א צוועק געבוירען צו ווערען, וואָס פאר א ציעל צו שטארבען? וואו איז דיא קלוגהייט פון דיזע ערשיינונגען און וואו איז דיא וואהרהייט? וואָס קען העלפען דיא שטרעבונג צו וויסען און וואָס קען נוצען דער פערשטאנד? וויא זאָגט ב א י ר א ן'ס איוב, וועלכער רופט זיך מ א נ פ ר ע ד:

“Sorrow is knowledge: they who know the most
Must mourn the deepest o'er the fatal truth,
*The Tree of knowledge is not that of life.*
Philosophy and science, and the springs
Of wonder, and the wisdom of the world,
I have essay'd, and in my mind there is
A power to make these subject to itself—
But they avail not......

אין אידישען פּראָזא וועט עס הייסען:

„טרויער־שמערץ איז דאָס וויסען. דיא וואָס ווייסען מעהר, מוזען טיעפער טרויערן איבער דיזע פאַטאַלע וואַהרהייט (וויא דער אידישער פילאָזאָף זאָגט: „ויוסיף דעת יוסיף מכאוב“). דער עץ הדעת איז ניט דאָס וואָס דער עץ החיים איז! פילאָזאָפיע און וויסענשאפט, דיא קוועלען פון וואונדער און דיא חכמה פון דער וועלט, — איך האָב אַלעס ערפאָרשט, און אין מיין שכל געפינט זיך דיא קראַפט צו מאַכען דיא אַלע זאַכען אונטערטהעניג צו מיר, אָבער.... דאָס נוצט ניט!“

אין דער ביבלישער ליטעראטור פון אונזער אידישען פאָלק געפינען זיך צוויי ביכער, וועלכע טראָגען אין זעהר א שוואכען גראד דיא פאָרמען פון דראמאטישע ווערק. דאָס איז ש י ר ה ש י ר י ם און דאָס בוך פון א י ו ב. דיא

ערשטע קען אנערקענט ווערן אלס א פאסטא־ראלע פיעסע (א פּאָעזיע פון הירטען־לעבען) און איז אָנגעשריבען מיט זעהר א ליידענשאפט־ליכע, ברענענדע און העלפּארביגע שפּראכע. אין דער דראמא „איוב“, וויא דיא אידעע פון׳ם שטיק פאָרדערט, איז ניטאָ קיין ליידענשאפט־ליכקייט און קיינע העלע קאָלירען, אָבער עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגען, אז אין דער גאנצער וועלט־ליטעראטור וועט זיך געפינען ניט זעהר פיעל ווערקע, וועלכע זיינען געשריבען אין אזא ערהאבענעם סטיל, מיט אזא שילדערונגס קראפט און אזוי אויסדרוקספאָל. אין א שעהנע פּאָעטישע פאָרמע ווערן בעהאנדעלט וויכטיגע פילאָזאָפישע אידעען. איהר קענט אָהן צוויי־פעל איוב׳ס בוך אנידערשטעלען אין איין רייהע מיט ד א נ ט ע׳ס „געטליכע קאָמעדיע“ און מיט דעם „פערלאָרענעם גן־עדן“ פון מ י ל־ט אָ ן. און אויב איהר פערדריסט א מאָל, וואָס איהר האָט פערלאָרען צייט צו לערנען דיא טויטע העברעאישע שפּראכע, בעדענקט אייך, אז איהר קענט אין אָריגינאל איבערלעזען איוב׳ס בוך און איהר וועט אייך פיהלען בעלאָהנט.

אויב דיא פיעסע „איוב“ איז ווען עס איז געשפּיעלט געוואָרען פאר׳ן פאָלק, פלעגט געוויס פריהער ערשיינען א העראָלד, אָדער א כאָר, און פלעגט דערציילען, וויא איוב, דער גאָטס־פאָרכ־טיגער און עהרליכער מענש, האָט גלעבט, וויא גליקליך ער איז געווען, וויא גאָט האָט זיך מיט איהם בעריהמט אין ה י מ ע ל אויף דער פער־זאמלונג פון דיא „בני האלהים“; וויא אזוי דער שטן האָט אָנגעהויבען צו אינטריגירען געגען איוב׳ן, וועלכער איז פרום און גוט נאָר דערפאר, ווייל איהם איז גוט אויפ׳ן הארצען, און וויא אזוי גאָט, אום אויסצופּרואווען איוב׳ס געדולד, האָט ערלויבט דעם שטן אָנצושיקען אויף איהם איין צרה נאָך דער אנדערער. דאָס איז געווען דער פּראָלאָג. דאן פלעגט ארויסגעהן איוב, פלעגט זיך אנידערזעצען אויף דער ערד און בע־שיטען דעם קאָפּ מיט אש... שפּעטער פלעגען ער־שיינען זיינע דריי פריינדע און צווישען זיי האָט זיך געפיהרט א דיסקוסיאָן אין דער אָרדנונג וויא עס איז געשריבען אין בוך. ביי דער שלוס־סצענע פלעגט ערשיינען י ה ו ה אליין אין שטורם און דונערן, און ער פלעגט דעקלאמי־רען זיין שטארקען, עפעקטפאָלען פערטהיידי־גונגס־מאָנאָלאָג.

מיר ווערען בעגייסטערט, ווען מיר שטעלען זיך פאָר דאָס גראנדיאָזע בילד, וויא דער פריי־הייטס־קעמפּפער פ ר אָ מ אָ ט ע אָ ו ס, א צו־געשמידעטער צו א פעלז, שרייט דאָך צו צעאוס׳ן: „איך זאָל דיך עהרען? פאר וואָס?“ עס איז אָבער מעהר צו בעוואונדערן, וויא א איד, א גע־פּלאָגטער מיט קרעץ, א שוואכער, א קראנקער, א נידערגעשלאָגענער, טרעט אָפען ארויס אליין גע־גען דעם אל קנא ונוקם.

צעאוס איז געווען דער אויבערשטער גאָט, אָבער ניט אין זיינע הענד איז געווען קאָנצענ־טרירט די וועלט־רעגירונג. ער איז נאָר געווען דער ערשטער צווישען ג ל י י כ ע. יעדער ים, יעדעס לאנד, יעדער בארג, יעדער וועלד, יעדע שטאָדט האָט זיך געהאט אן אייגענעם גאָט, אן אייגענעם הערשער. זיך מיט איהם אָנצוהויבען איז ניט געווען אזוי געפעהרליך; מען האָט געקענט שטענדיג רעכענען אויף דער הילפע פון אנדערע אונצופריעדענע געטערלאך. צעאוס אליין איז ניט געווען אזוי שטרענג און אונצוגענגליך. מען האָט איהם געקענט אונ־טערקויפען מיט חניפה, מיט א גוטע פלאש גע־טער־געטראנק — „נעקטאר“, מיט א זיסע גע־טער־קוכען — „אמבראָזי“. ער האָט געפיהלט און געהאט לוסט, וויא א בשר ודם, און ער פלעגט זיך זעהר אָפט בענארישען, ווען ער פלעגט דער־זעהן א שעהן ווייבעל.... און אויסער דעם, פראָ־מעטעאוס אליין איז אויך געווען א גאָט און האָט בעלאנגט צו „דער משפחה“....

י ה ו ה אָבער איז געווען אן איין־איינצי־גער, „סאמאָדערזשאוונער“ גאָט, א שטרענגער, א שטארקער, אָהן געפיהלען, אָהן ליידענשאפטען, מיט קיין זאך האָט מען איהם ניט געקענט אונ־טערקויפען און מיט קיין שוחד ניט גוט מאכען; ער האָט גענומען ראכע פון יעדען אָהן אויס־נאהמע און האָט רעגירט איבער דער גאנצער וועלט אָהן א בעגרענצונג. איהם האָט עס גע־וואגט איוב צו קריטיקירען און אין דער קלוגהייט פון זיינע איינריכטונגען צו צווייפלען! מען דארף ניט קיין בעסערע בעווייזע, וויא שטארק עס איז געווען אין דעם מענשען דער גייסט פון סקעפּטיציזמוס.

יהוה שטעלצירט מיט זיין פיינעם קנעכט איוב, און דער שטן, וועלכער האלט זעהר ווענינ פון די שוואכע מענשעלאך, וואָס שטרעבען צו־הויך און טרוימען צו ווערן אונשטערבליך, — דער שטן זאָגט, אז דיא פרומקייט און גוטסקייט פון א מענשען זיינען ניט שטאנדהאפט; זיי דויערן נאָר אזוי לאנג ביז דיא אונצופרידענהייט קומט. מען רויבט ביי איוב׳ן זיין רייכטהום, זיי־

נע קינדער, זיינע פריינד — איוב דולדעט. יהוה טריאומפירט, דער שטן אבער זאגט: דער מענש איז אן עגאאיסט, ער איז בערייט אלעס צו פערלירען, נאר ער אליין זאל בלייבען גאנץ. „הנו בידך“, ער איז אין דיינע הענד, האט געענטפערט יהוה. דער שטן האט בעדעקט איוב'ס קערפער מיט שרעקליכע קרעץ. דער אונגליקליכער איוב האט זיך געזעצט אויף דער ערד, האט מיט א שערביל געקראצט דיא שרעקליכע וואונדען און האט דאך ניט געמורמעלט. זיינע דריי פריינד זיינען געקומען איהם טרייסטען. זיי האבען אלע ביטער געוויינט, ווען זיי האבען זיינע צרות און וועהטאגען דערזעהען. זיי האבען צעריסען זייערע קליידער, בעשאטען זייערע קעפ מיט אש און געזעצט זיך לעבען זייער פריינד אויף דער ערד.... זיבען טעג זיינען זיי אלע געזעסען שטיל, קיינער האט ניט געוואגט אויסצורעדען א ווארט: „כי ראו כי גדול הכאב מאוד“, ווייל זיי האבען געזעהן, אז דער ווייטאג איז זעהר גרויס. דאן ערשט האט איוב אנגעהויבען צו רעדען.

צו וואס ווערט דער מענש געבוירען? ער ווערט געבוירען צו ליידען, פלאגען זיך און שטארבען. ווען דער מענש זאל ניט געבוירען ווערען, האלט ער ניט געשטארבען. דיא פרוי, דיא מוטער איז שולדיג. און איוב הויבט אן צו פלוכען דיא, וועלכע האבען פעראורזאכט זיין לעבען: „יאבד יום אולד בו והלילה אמר הרה גבר“ — פערלארען האט געזאלט ווערען דער טאג, ווען איך האב בעדארפט געבוירען ווערן, פערלארען דיא נאכט, ווען עס איז אנגעזאגט געווארען: ז י א איז שוואנגער פון איהר מאן. „מדוע קדמוני ברכים ומה שדים כי אינק?“ ווארום האבען מיך הערפארגעבראכט דער מוטער'ס לענדען און ווארום זיינען געווען דיא בריסט, פון וועלכע איך האב געזויגען? א מענש לעבט, פלאגט זיך, שטרעבט, טרוימט און וואס בלייבט פון איהם? ער שטארבט, און אזוי וויא א וואלקען גיסט זיך אויס און פערשווינדעט, אזוי וועט ניט אויפשטעהן מעהר דער וואס געהט אין גרוב. ער וועט זיך קיינמאל ניט אומקעהרען אהיים.... דיא וואסערן פון דיא מעערען און טייכען וועלען אויסגעטריקענט ווערן, דיא הימלען וועלען שטירצען און דער מענש וועט ניט ערוואכט ווערן פון טויט און וועט צוריק ניט קומען. קען איך ניט לעבען עביג—דאן איז מיר אלעס פער'מיאוס'ט. „לאז מיר צורוה, יהוה, ווארום מיינע טעג זיינען אייטעלקייט און גאר ניט!“ (מאסתי לא לעולם אחיה חדל ממני כי הבל ימי). אונארדנונג און פינסטערנים הערשען אין דער וועלט; עס איז ניטא קיין קלוגער צוועקמעסיגער געדאנק אין דעם, וואס עס קומט פאר, ניטא קיין גערעכטיגקייט אויף ד ע ר וועלט. דער שטארקער בערויבט דעם שוואכען; דער וואס אקערט און זעעט, עסט ניט קיין ברויט. דיא רשעים הערשען און אונטערדריקען, דיא גערעכטע און גוטע מענשען ליידען און פלאגען זיך זייער לעבען לאנג. ניטא קיין גלייכהייט און קיין פרייהייט אין לעבען. דיא שקלאפען און דיא אונטערדריקטע ווערען נאר פריי דאן, ווען זיי ליגען אין דער ערד; מעכטיגע הערשער און אונטערדריקטע קנעכט זיינען ג ל י י ך נאר דארט אין קבר.

מעיר מתים ינאקו ונפש חללים תשוע
ואלוה לא ישים תפלה. —

עס קרעכצען און זיפצען דיא מענשען אין שטאדט, דיא זעעלע פון דיא ערמארדעטע שרייט צו דיא הימלען, און וואס טהוט גאט? ער שענדעט ניט דערפאר. מיט א געפיהל פון איראניע און ביטערנים ווענדעט זיך איוב צום רבש"ע און זאגט: — גאט, דו וועכטער פון מענשען! אויב איך האב געזינדיגט, וואס האסטו דען דערביי פערלארען? און אויב איך בין גוט, וואס קומט דיר ארויס דערפון? איך וויים, מען קען מיט דיר ניט ריידען. פון טויזענד פראגען ענטפערסט דו ניט אויף איינע. ווער וואגט איהם צו זאגען: „וואס טהוסט דו?“ אומזיסט פערמעהרט ער מיינע וואונדען. איך וויל צו איהם ריידען און ער שרעקט מיך מיט שטורם און דונער. און פאנגט אייך גאט נאר אן צו פערפאלגען, דאן פערפאלגען אייך שוין אלע..... דוכט זיך, אויב איהר זייט מיר פריינד, האט זשע מיטלייד מיט מיר, ווען גאט שטראפט מיך!.... ניין! מען האלט מיט איהם, מיט'ן שטארקען און מעכטיגען. אה, ווען איך זאל קענען ריידען צו איהם, וויא איך רייד צו איינעם פון אייך, און ער זאל מיר ענטפערן אויף אלע מיינע פראגען! אה, ווען איך זאל וויסען וואו ער געפינט זיך, ווען איך זאל איהם נאר קענען געפינען! צום געריכט וואלט איך איהם געפאדערט, צו דיסקוסיאן וואלט איך איהם גערופען. א י י נ ע ר איז ער, און וואס ער וויל, דאס טהוט ער.... זאל ער אבער ניט מיט זיין שטארקען כח מיר ענטפערן, זאל ער זיך פיהרען מיט יושר — ניין! „לא אאמין כי יאזין קולי“ —

איך גלויב ניט, דאָס ער וועט פערנעהמען מיין שטימע און וועט מיר אלעס פערענטפערען און ערקלערען....

זיינע פריינדע, דיזע אלטמאָדישע פילים־טער, וועלכע ציטערן, ווען זיי הערען פרייע רייד און וועלכע פערטראָגען ניט קיין פּראָטעסט און קיין פאָרשונג, דיזע פערשראָקענע „גוט־שטעהענדע בירגער" פערענטפערן איוב'ן זיינע גרויסע וועלט־פראגען מיט קליינע פראזען וועגען פראקטישע פּאָזיציכטיגקייט און געלאסענהייט. דעם מענשען איז שלעכט? ווער איז שולדיג? דער מענש אליין! אזוי זאָגען איוב'ס פריינד. „כי לא יצא מעפר און ומאדמה לא תצמח עמל". מאטערנעס און פערברעכען קומט ניט פון זיך אליין; עס וואקסט ניט פון דער ערד. גאָט האָט אלעס איינגעריכטעט גרויסארטיג, און דער זינדיגער מענש פערדארבט עס אליין. נאָכדיי־קען און נאָכפאָרשען ,גריבלען און זוכען דיא גרינדליכקייט פון גאָט'ס איינריכטונגען דארף דער מענש ניט. „החקר אלוה תמצא אם תכלית שדי תמצא?" — גלויבסט דו מיט פאָרשונג גאָט צו געפינען? קענסט דו געפינען דיא ענדליכ־קייט פון'ם אלמעכטיגען? ווייסט דו וואָס עס טהוט זיך העכער פון דיא הימלען? פערשטעהסט דו וואָס עס קומט פאָר אין טיפען אָבגרונד? ניין! דער מענש, דער זוהן פון דער ערד, איז געבוירען געוואָרען צו ארבייטען און דולדען, „ובני רשף יגביהו עוף", און נאָר דיא הימעלס־קינדער קע־נען זיך אויפהויבען און פליהען הויך.....

איוב פרעגט אָבער: „למה יתן לעמל אור וחיים למרי נפש?" — וואָס איז דאָס ציעל פון'ם לעבען? נאָך וואָס גיט ער ליכט צו דעם וואָס מוז זיך מאטערען? נאָך וואָס גיט ער לעבען צו דיא, וואָס האָבען פערביטערטע זעעלען? אויף זיין גרויסער סקעפּטישער פראגע "Why?" ענט־פערן זיי מיט דעם געוועהנליכען "Because" אָבער "Why because?" — ניטאָ קיין ענט־פער. ניין איוב וויל פאָרשען, ער וויל זוכען דיא צוועקמעסיגקייט פון אלע ערשיינונגען, ער וויל געפינען דיא גרינדליכקייט פון דעם גרויסען אונטאָלעראנטען מייסטער'ס איינריכטונגען..... ער וויל זיין ראציאָנאל, ער וויל זיך פערלאָזען נאָר אויף זיין פערשטאנד... דאָ אָבער קומט דיא גרעסטע פערצווייפלונג. ער איבערציינגט זיך, דאָס עס זיינען דאָ געגענשטענדע, פון וועל־כע דעם מענשען'ס געדאנק שפרינגט אָב, אזוי וויא א גומענער באָל שפּרינגט אָב פון וואנד. דעם מענשען'ס חכמה איז אויך בעגרענצט, דער שארפסטער געדאנק קען ניט דורכדרינגען דיא געהיימניספאָלע פּראָבלעמען פון דער גרויסער וועלט־דראמא, דער גרעסטער זשעני קען ניט אומענדערן דיא קלענסטע בעוועגונג פון'ם לע־בען. און איוב פאנגט אָן צו איראָניזירען אי־בער דעם מענשען'ס חכמה און פערשטאנד:

„והחכמה מאין תמצא ואי זה מקום בינה?
לא ידע אנוש ערכה, לא תמצא בארץ החיים!
תהום אמר לא בי היא, וים אמר אין עמדי," —

פון גאָרנישט, וויא קען ערפונדען ווערען דיא חכמה און וואו איז דער פּלאץ פון'ם פערשטאנד? דער מענש קען ניט בעגרייפען דעם ווערטה פון פערנונפט. עה! זיא געפינט זיך גאָר ניט דאָ אין דעם לאנד פון'ם לעבען. דער אָבגרונד זאָגט: דיא פערנונפט איז ניט אין מיר; דער ים זאָגט: זיא איז ביי מיר אויך ניטאָ.

„והחכמה מאין באה ואי זה מקום בינה?
ונעלמה מעיני כל חי ומעוף השמים נסתרה,
אבדון ומות באזנינו שמענו שמעה,
אלהים הכין דרכה והוא ידע את מקומה
כי הוא לקצות הארץ יביט, תחת כל השמים יראה;
אז ראה ויספרה הכינה וגם חקרה
ויאמר לאדם הן יראת ד' היא חכמה
וסור מרע בינה!" —

פון וואנען קומט דיא זאָ פיעל געריהמטע חכמה און וואו איז איהר וואוינונג? ניט אין ים, ניט אין אָבגרונד, ניט אין דער גאנצער וועלט געפינט מען זיא. זאָגאר אין דיא הימלען האָבען זיא דיא פויגלען ניט געקענט אָבזוכען — וואו־זשע איז זיא פאָרט? דיא העלע און דער טויט זיינען דיא איינציגע, וואָס גיבען דעם מענשען אן ענטפער דארויף. זיי זאָגען, זיי האָבען דיא חכמה אויך ניט געזעהען, זיי האָבען אָבער גע־הערט פון איהר: גאָט אליין פערשטעהט איהר וועג און נאָר ער ווייס איהר פּלאץ. זיא איז רוכט זיך, ניטאָ אין ערגיץ? ער אָבער קוקט ווייט און זעהט זיא דאָך ווייט אין עק וועלט. אונטער דיא הימלען. ער, דער א ל ה י ם, האָט זיא געזעהען; ער האָט זיא איבערגעצעהלט, אָבגעמאָסטען, איינגעריכטעט און דורכגע־פאָרשט.... מענש, ווילסט וויסען, וואָס חכמה איז? דארויף ענטפערט י ה ו ה: מורא האָבען פיר גאָט — דאָס איז חכמה; זיין פרום — דאָס איז פערנונפט.

וואָס פיר א ביטערע, שמערצפאָלע איראָ־ניע! נאָך דעם וויא דער דענקענדער און פיה־לענדער מענש האָט פיעל געזוכט, געפאָרשט, גע־

גריבעלט, געפֿרעגט, צו קומען ענדליך צו אזא לע־
בערליכען און קאָמישען רעזולטאט!.... דיא וועלט
איז געבויט געוואָרען מיט חכמה, און דיא
חכמה קען מען ערגיץ ניט געפינען. דיא חכמה
איז ניטאָ, גאָט אָבער איז מיט איהר פערזענליך
בעקאנט, און אויב דו ווילסט וויסען וואָס חכמה
איז, זאָגט דיר דער הערשער פון דער וועלט:
חכמה איז — האָב מורא פאר מיר און טהו וואָס
איך הייס!....

א טראגעדיע איז דאָס, וועלכע מוז פאראלי־
זירען דעם מענשליכען ווילען, אָדער מוז פיהרען
צו א קאָמעדיע, צו קריטיק און סקעפּטיציזמוס.

דער גרויסער אידישער גאָט, וויא שטארק,
מעכטיג און בייז ער איז ניט, איז ער דאָך א דע־
מאָקראטישער גאָט. ער איז ניט אזא אריסטאָ־
קראט וויא י ו פּ י ט ע ר. אן איינפאכער
דעמאָקראטישעס פּאָלק פון לאנד־ארבייטער
שאפט זיך א גאָט, וועלכער איז דעספּאָטיש,
מעכטיג און קאפּריזנע, וויא דיא נאטור,
פון וועלכע דער לאנד־ארבייטער איז
אבהענגיג, וועלכער איז אָבער דעמאָקראטיש און
איינפאך. יהוה קומט שמועסען מיט יעדען
פאסטוך, מיט יעדען פישער און בויער, אויב זיי
זיינען נאָר אָרענטליכע לייט, און ער קומט אויך
פערזענליך צו איוב'ן פערענטפערן זיך.... גע־
וויס, ער דונערט און שטורמט א ביסעל, ווען ער
אליין ערשיינט, נאָר עס ווערט שטיל און יהוה
דעקלאַמירט א גרויבען מאָנאָלאָג, געשריע־
בען אין א זעהר ערהאבענעם סטיל, פול מיט
געדאנקען און פּאָעזיע. איוב הערט איהם אויס
געדולדיג און ענטפערט וויא א קלוגער איד דארף
ענטפערן: „אחת דברתי ולא אענה ושתים ולא
אוסיף". איוב זאָגט ניט, אז ער נעהמט צוריק
זיינע ווערטער און אז ער האָט חרטה. צוויי מאָל
איבער'חזר'ן דיא זעלבע זאך, זאָגט ער, קען מען
גאָר ניט דערמיט צוברייננגען. איך האָב איין
מאָל גערעדט און מעהר וועל איך ניט ענטפערן....

* * *

מיר האָבען געזעהען, אז דיא דראמא „איוב"
איז גראדע אזא וועלט־דראמא וויא „פּראָמאָטע־
אוס". אין דיזע ביידע ווערקע ווערט דראמאַ־
טיזירט דיא סקעפּטישע ריכטונג פון מענשען'ס
גייסט און געדאנק. אין דער גריעכישער דראַ־
מא ווערט אויסגעשפּראָכען א'ן אקטיווער סקעפּ־
טיציזמוס, וועלכער רופט צום קאמפּף און צו
טהעטיגקייט, ווארום אָהן ליידען, אָהן צרות, אָהן
אָפּפער קען מען קיין זיעג ניט געווינען. אין
דער אידישער דראמא איז אויסגעדריקט דער
פּאַסיווער סקעפּטיציזם. עס ווערט געשילדערט
דיא אָפּאָזיציאָן, וועלכע עקזיסטירט צווישען
גייסט און שטאָף, דער צוזאמענשטויס צווישען
פאקטען און אידעען, דער אנטאגאָניזם, וועלכער
קומט פאָר צווישען דעם מענשען'ס פרייען גע־
דאנק און דיא אונערקלערבארע ערשיינונגען
פון'ם קאָסמאָס. דיא גריעכישע ריכטונג רופט
דעם מענשען צו פּראקטישע טהעטיגקייט; זיא
וויל פערניכטען דיא הינדערניסע פון דער אויסע־
רער וועלט, וועלכע שטערן דעם מנעש צו געני־
סען פון'ם גליק. דיא אידישע ריכטונג צווינגט
איהם צו דענקען: איז דאָס לעבען אַן אילוזיאָן,
א חלום? אלע שטרעבונגען פון מענשען א רע־
זולטאט־לאָזע ארבייט, זיין קענען און וויסען נאָר
אן איינגערעדטע זאך; זיין האָפנונג צו געפינען
גליק אין דער אויסערער וועלט ניט מעהר וויא
א טרוים? און דארף דער מענש ניט זוכען זיין
טרייסט אין זיך אליין, אין זיין אינערער, גייס־
טיגער וועלט?

פיעל פראגען גיט דיא וועלט־דראמא דעם
צושויער, וועלכער זיצט אין דעם לעבענס־טהע־
אטער. אָבער מיט פראגען קען מען די האנד־
לונג ניט אָבשטעלען, דיא ענטוויקלונג פון דער
דראמא געהט פאָרווערטס; דאָס לעבען שטעלט
זיך ניט אָפּ, דאָס פּובליקום מעג אפּלאָדירען און
מעג פייפען. דיא אָבגעשפּיעלטע סצענען געהן
אוועק, נייע סצענען קומען פאָר, נייע עראייג־
ניסע, וועלכע שטאממען ארויס פון דיא פריהער־
דיגע, פלעכטען זיך צונויף און שאפען א נייע
האנדלונג. דיא אינטריגע פון דער וועלט־
דראמא ווערט פיעלפאכער און דער סקעפּטישער
געדאנק פון'ם מענשען שארפער און דורכדרינ־
גענדער....

צוויי אקטען פון דער וועלט־דראמא האָבען
זיך אָבגעשפּיעלט. דער פאָרהאנג, וועלכער
שטעלט פאָר דיא היסטאָרישע ארענא פון דער
וועלט־ביהנע, האָט זיך נאָך א מאָל אויפגעהױ־
בען און עס האָבען אָנגעפאנגען פאָרגעשטעלט
צו ווערען דיא דראמאטישע פאָלגען, וועלכע האָ־
בען נאטירליכערוויזע געמוזט פּראָדוצירט ווערן
פון דיא ערשטע צוויי. עס איז געקומען דיא
היסטאָרישע עפּאָכע, ווען דיא גריעכישע און אי־
דישע ציוויליזאציאָנען האָבען זיך צוזאמענגע־
פלאָכטען, ווען דאָס היידענטהום און קריסטענ־
טהום האָבען זיך צוזאמענגעמישט. ווען פּ ר אָ־
מ ע ט ע א ו ס מיט א י ו ב האָבען זיך צו־
זאמענגעגאָסען אין איינעם און האָבען זיך פאָר־
געשטעלט דער וועלט אין דער פאָרם פון א

נייעם בריעפטיהער א נייעם קעמפּפער געגען דאָגמען, אין דער פאָרם פון א נייעם מין לעגענדארישען העלד, וועלכען מען האָט גערופען י ע ז ו ס ק ר י ס ט ו ס.

דיזער העלד האָט, וויא איוב, געזאָגט: „דאָס זיין און דאָס ניט זיין איז דאָס זעלבע“, און אזוי וויא פּראָמעטעאוס האָט ער פון דיא הימלען געבראכט דער מענשהייט דיא ערלעזונג און האָט פיר דאָס גליק פון אנדערע געאָפּפערט זיין אייגענעם לעבען... דער מאָראלער און אינטעלעקטועלער צושטאנד פון דעם מענשען'ס גייסט האָט געשאפען דאן אזא גאָט, וועלכער איז געבוירען געוואָרען פון פרייע ליעבע, אין א קאָרעטע צווישען הזרים, וועלכער האָט פערבראכט זיין לעבען צווישען געפאלענע אָפּפער פון דער געזעלשאפט און איז געהאנגען געוואָרען אויף א תליה צווישען גנבים מיט א קרוין פון שטעכעטיגע דערנער אויפ'ן קאָפּ... דער גאָט האָט אויסגעדריקט א נייע סקעפּטישע ריכטונג פון דער מענשהייט. ער האָט ערנידריגט דיא הימלישע יודישע גאָטהייט דערמיט, וואָס ער האָט זי אנטראָפּאָמאָרפירט, דאָס הייסט: איהר געמאכט בשר ודם'יש. ער האָט אָבער ערהויבען דעם אינגערען, דעם „יודישען“ דערמיט, וואָס ער האָט איהם פערגעטערט. ער האָט פערניינט דיא „געזעצליכקייט“ מיט זיין געבוירען ווערן און מיט זיין לעבען, האָט פערניינט דיא פערשטיינערטע דאָגמען מיט זיין לערנען, האָט פערשפּאָטעט דיא מאכט פון דיא הערשענדע מיט זיין דערנער־קרוין און האָט געוויזען א נייעם ציעל אין לעבען — א ל ט ר ו א י ז מ ו ס, ל י ע ב ע צ ו ם א נ ד ע ר ן.

אין דעם אקט פון דער וועלט־דראמא איז דיא קריסטליכע, דאָס הייסט דיא אידישע ריכטונג, געוועזען שטארקער פון דער גריכישער, און דיא פראגען וועגען מענשענס לעבען און טויט האָבען אם שטארקסטען אינטערעסירט דעם נאָכפאָרשענדען מענשען. מען האָט ווידער אָנגעפאנגען צו דענקען וועגען דער אלטער אורזאכע פון דעם מענשען'ס זינדענפאל: חוה, דיא מוטער מיט דיא פריכטע פון עץ הדעת האָבען פעראורזאכט דעם טויט — ענטזאגונג פון זיך זעלבסט, ענטזאגונג פון דער, וועלכע איז פרוי און דיא אורזאכע פון געבוירען ווערען, לעבען נאָר צוליעב דעם צווייטען און פערניינען דאָס אייגענע לעבען — דאָס איז געוועזען דיא נאאיווע קינדישע לעזונג פון דער פּראָבלעמע פון טויט. צוזאמען מיט דעם גרויסען אונגליק פון דעם מענשען'ס געשלעכט — דעם זינדענפאל, האָט אָבער דאָס קריסטענטהום אימער געדענקט פון דעם ערשטען אידישען סקעפּטיקער, פון דעם אלטען געגנער יהוה'ס, וועלכער האָט בראוו און אָפען געקעמפּפט מיט זיין אויבער־גאָט און וועלכער קעמפּפט נאָך ביז יעצט מיט איהם.... דער גרויסער זשעניאלער דיכטער מ י ל ט אָ ן, בעוויינענדיג דעם שעהנעם פּאראדיז, וואָס אונזערע אור־עלטערן האָבען פערלאָרען, און בעזינגענדיג דיא ערלעזונג פון דעם מענשען־געשלעכט, וועלכע איז געקומען דורך יהוה'ס טהראָנפאָלגער, קען אויך ניט פערגעסען דעם ערשטען פּראָטעסטאנט ס א ט א ן..... יהוה פערטרייבט זיין געגנער פון הימעל און צווינגט דעם צווייפלענדען און נאָכפאָרשענדען גייסט צו זיצען אין דער פינסטערער העלע. סאטאן אָבער ווענדעט זיך צו דעם וועלט־טיראן מיט דיזע ווערטער פון מילטאָן'ס "Paradise Lost" (פערלאָרענער גן־עדן):

....Hail, horrors! hail
Infernal World! and thou, profoundest Hell,
Receive thy new possessor—one who brings
A mind not to be changed by place or time.
The mind is its own place, and in itself
Can make a Heaven of Hell, a Hell of Heaven.
What matter where, if I be still the same,
And what I should be, all but less than He
Whom thunder hath made greater? Here at least
We shall be free; the Almighty hath not built
Here for his envy, will not drive us hence:
Here we may reign secure; in my choice,
Better to reign in Hell than serve in Heaven.

„געגריסט זייט, איהר שרעקען! זיי געגריסט,
דו שאול תחתיה! און דו, טיעפסטע העללע, נעהם
איין דיין נייעם הערשער. דער, וועלכער קומט
מיט א שכל, אונפערענדערבאַר דורך אָרט און צייט.
דער שכל וואָהנט אין זיך אַליין, און אין זיך אַליין
קען ער פערוואַנדלען אַ גן עדן אין א גיהנום און א
גיהנום אין אַ גן־עדן. וואָס מאַכט עס אויס וואו
איך בין, אַז איך בלייב דאָך דערזעלבער? און וואו
איך זאָל ניט זיין וועל איך דאָך אימער זיין קלע־
נער פון א י ה ם, וועמען דער דונער האָט געמאַכט
גרעסער! דאָ אם וויניגסטענס וועלען מיר זיין
פריי. דער אלמעכטיגער האָט דאָ ניט געבויט פיר
זיין קנאה און וועט אונז פון דאַנען ניט אַרויס־
טרייבען. דאָ זיינען מיר זיכער מיט אונזער הער־
שאַפט און נאָך מיין מיינונג איז בעסער צ ו ר ע־
ג י ר ע ן א י ן ד ע ר ה ע ל ע, א י י ד ע ר
צ ו ז י י ן ד ע ר ד י ע נ ע ר א י ן ה י מ ע ל!“

אָבער נאָך לאנג, לאנג בעפאָר מילטאָן האָט עוין פון דעם זעלבען דראמאטישען פונקט געזונ־

גען א געהיימניספֿאָלע פּערזאָן מיט א אידישען נאָ־
מען ק ע ד מ אָ ן (קדמון). עס איז געווען א
מאַנאָך, וועלכער האָט ניט געקענט לעזען און
שרייבען און וועלכער האָט דאָך געדיכטעט פיעל
עפּיישע ליעדער וועגען דעם זינדענפאַל פון'ם
מענשען'ס געשלעכט און וועגען דעם קאַמפּף פון
די געפאַלענע בני אלהים מיט'ן מעכטיגען
יהוה.... אויך דער דייטשער פילאָזאָף און
קריסטליך־יודיישער דיכטער ק ל אָ פּ ש ט אָ ק,
אין זיין גרויסע פּאָעמא „מעססיאס", זייענדיג
בעגייסטערט פון דער ערלעזונגס־אידעע פון
קריסטענטהום, דערמאָנט אויך דעם פיינד און
קעמפּפער פון יהוה, וועלכער איז אונצופרידען
מיט יהוה'ס געדאַנק צו בריינגען דער מענשהייט
די גאולה דורך זיך זעלבסט אין דער געשטאַלט
פון משיח'ן. און אויך ביי איהם זאָגט דער סאַ־
טאַן צו אלע זיינע מיטהעלפער, וועלכע ער האָט
פערזאַמעלט, אום זיך מיט זיי צו בעראַטהען ווע־
גען דעם משיח, וואָס דענקט יעצט צו פערניכ־
טען דעם טויט אום צו פּאַראַלאַזירען דאָס, וואָס
איהם, דעם שטן, איז געלונגען צו געווינען מיט
דעם זינדענפאַל פון דער מוטער דער מענשהייט,
חוה: מ א ר י ע זאָל גוט מאַכען, וואָס חוה
האָט פערפעהלט? גאָט'ס זוהן זאָל פערריכטען
דאָס, וואָס גאָט אליין האָט ניט געקענט פער־
ענדערן? ניין! זאָגט סאַטאַן צו זיינע ברידער:

„געטער, אימער אונבעזיגט, אונפערשקלאַפּט ווילען
מיר בלייבען;
מעג ער אויך זיינע פערזעהנער צו טויזענדע געגען
אונז שיקען,
מעג ער אויך אליין אלס משיח די ערד בעטרעטען—
ווער איז ער דען דער ניי־געבאָרענער י ה ו ה?

עס האָט געדאַרפט נעהמען פיעל צייט,
פיעלע היסטאָרישע אַקטען האָבען זיך געדאַרפט
אָבשפּיעלען בעפאָר די מענשהייט האָט אָנ־
געהויבען זוכען די ערלייזונג ניט דורך א
הימלישען געטליכען ערלעזער, נאָר דורך מענש־
ליכע טהעטיגקייט; זוכען די טראַגעדיע פון
לעבען ניט אויפ'ן הימעל, נאָר אויף דער ערד
און רעכענען פיר מיטלען געגען דיזער טראַגע־
דיע די ניט זעלבסט־ענטזאַגונג, נאָר, פער־
קעהרט, די ענטוויקלונג און פערשטאַרקערונג
פון דעם „זעלבסט". יא, גאַנצע היסטאָרישע
עפּאָכען האָט דער מענש געדאַרפט, אום צו איי־
בערצייגען זיך, אז די טראַגעדיע פון זיין לע־
בען ווערט אָבגעשאַפט דורך דראַמא. די
אידיש־קריסטליכע ציוויליזאַציאָן האָט גע־
פּלאַנצט ביי די שטאַרקע יונגע פעלקער
געפיהלע פון פּאַסיוויטעט און פּעסימיזמוס.

אָבער אין דער זעלבער צייט, אין
די קומענדע אַקטען פון דער וועלט־
דראַמא האָט באַלד דער גייסט פון סקעפּטיציז־
מוס פריהער שוואַך, נאָכדעם אלץ שטאַרקער
און שטאַרקער און דייטליכער זיך געווענדעט
צו די הימלען מיט דערזעלבער פראַגע: ווער
איז ער, דער ניי־געבאָרענער יהוה? וואָס האָט
ער פערענטפערט און ווען האָט ער ער־
לייזט?.... פון דעם קבר דער פערגאַנגענהייט
האָט איוב ווידער גע'טענה'ט: „אם רשעתי
אללי לי וצדקתי לא אשא ראשי", — האָב איך
שלעכטעס געטהאָן, איז מיר וועה, און בין איך
געווען גערעכט, קען איך אויך דעם קאָפּ ניט
אויפהויבען! — עס איז קיין אונטערשיעד....
און פּראָמעטעאוס דראָהעט נאָך אלץ פון דעם
הויכען פעלז, צו וועלכען ער איז צוגעשמידט,
און זיין שטימע הילכט ווידער געגען צעאוס'ן:

האָסט גאָר געוואָלט
איך זאָל דאָס לעבען האַסען,
אין די מדבריות לויפען,
ווייל ניט אַלע
בלומען־טרוימע
זיינען צייטיג?....

יעקב גאָרדין.

# פון וואנען שטאמט רעליגיאן?

(נאָך הערבערט סעפּנסער.)

## איז רעליגיאָן איינגעבוירען?

איז רעליגיאָן אן איינגעבוירענעס געפיהל? — דיזע פראגע מוז פערענטפערט ווערן איידער מיר קענען איבערגעהן צו אונזער הויפּטפּונקט. פון גייסטליכע און איבערהויפּט רעליגיעזע מענשען איז שוין גאָר אָבגערעט — זיי האָבען זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען, אז מענשען זאָלען קענען עקזיסטירען אָהן א געפיהל אָדער א בעגריף וועגען עפּעס א העכערען וועזען, א גאָט. נאָר זאָגאר פרייע נאָכפאָרשער האָבען געוועהנליך אייכגעדריקט דיא איינגעוואָרצעלטע מיינונג, אז מענשען ווערן געבאָרען מיט א רעליגיעזען געפיהל. אָבער דיזע מיינונג האָט דיא לעצטע צייט בעריהמטען א שטאַרקען קלאַפּ דורך די נייע פאקטען, וואָס געלעהרטע האָבען ארויסגעבראכט.

ווען עס זאָל אמת זיין, אז דער מענש ווערט געבוירען מיט א רעליגיעזען אינסטינקט, מיט איינגעבוירענע בעגריפע וועגען גאָטהייט, וואָלט דאָך אויסגעקומען, אז ווען מיר זאָלען, למשל, נעהמען א קינד פון עטליכע וואָכען און איינשפּארען אין א בעזונדערן צימער אזוי, אז עס זאָל קיין מאָל ניט האָבען דיא געלעגענהייט צו הערען עטוואָס וועגען גאָט אָדער רעליגיאָן, וועט דיזעס קינד, פון דעסטוועגען, אויסוואקסענדיג, האָבען א בעגריף פון א גאָט, וועט פיהלען, אז עס איז עפּעס דאָ ערגעץ־וואו אַן אלמעכטיגער, וואָס האָט בעשאַפען דיא וועלט און אלעס אין איהר. עס וואָלט זיך אויך ניט בעדארפט געפינען איין פאָלק אויף דער וועלט אָהן בעגריפע וועגען א גאָט. עס זיינען אָבער פאראַן פיעלע פאקטען, וועלכע בעווייזען גראדע דעם געגענטהייל איןביידע פעלע:

דער טויבער דאָקטאָר קיטא אין זיין בוך „דיא פערלוירענע חושים“, ברענגט דיא עדות פון אן אמעריקאנער טויב־שטומער לידי, וועלכע האָט ערקלערט, דאָס „דיא אידעע, אז דיא וועלט האָט געמוזט האָבען א בעשעפער איז ניט איהר, ניט אנדערע אינטעליגענטע טויב־שטומע פון דעם זעלבען עלטער, ווען עס איז אויף דעם געדאנקען ארויפגעקומען“. רעווערענד סאמיועל סמיטה, וועלכער האָט זיך גאנצע 28 יאָהר, כמעט יעדען טאָג, צוזאמענגעטראָפען מיט טויב־שטומע, שרייבט וועגען איינעם פון זיי: „ער האָט קיין אידעע פון זיין אונשטערבליכקייט, און מען קען איבערהויפּט ניט אָנצייגען איין ביישפּיעל, אז אפילו אן אינטעליגענטער טויב־שטומער האָט ווען עס איז געהאט וועלכען עס איז בעגריף פון דער עקזיסטענץ פון א העכערען וועזען אלס בעשעפער און בעהערשער פון דער וועלט“.

וויא מען קען זעהען פון דיזע ביישפּיעלע, וואָלט א קינד, וואָס האָט ניט געהאט דיא געלעגענהייט צו קומען אין בעריהרונג מיט עלטערע מענשען און אלזאָ ניט הערען עטוואָס וועגען א גאָט, גראדע וויא דיזע טויב־שטומע דורך זייערע געבוירענע פעהלערען — וואָלט עס ניט געקענט האָבען דעם מינדעסטען בעגריף פון א גאָט. דאָס איז אָבער נאָך ניט אלעס, עס זיינען נאָך היינט דאָ ווילדע פעלקער, וועלכע האָבען ניט קיין בעגריף פון וועלכען עס איז גאָט, און אין זייער שפּראך געפינט זיך אפילו ניט אזא וואָרט, וואס זאָל אויסדריקען עטוואָס עהנליכעס צו דעם, וואָס מיר דריקען אויס מיט דעם וואָרט גאָט.

סער דזשאָהן לאָבבאָק אין זיין בוך „דער אורשפּרונג פון ציוויליזאציאָן“, ברענגט א גרויכע צאָהל בעווייזע פון פילע אזעלכע ווילדע פעלקער. דער פּלאַץ דאָ ערלויבט אונז ניט איבערצוגעבען דיזע אלע פאקטען, מיר ווילען דעריבער ברענגען נאָר עטליכע: ווען מען האָט געפרעגט אן אכאפּירא, צו ער גלויבט אין דיא אונשטערבליכקייט פון דער זעעלע, האָט ער געענטפערט: „קיין אכאפּירא איז נאָך ניט צוריקגעקומען נאָך׳ן טוידט, מיר ווייסען דעריבער גאָר ניט פון א צוקינפטיגען לעבען, און דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר הערען אזעלכעס“. „ווען

דער גלה דזשוניפּעראָ סעררא״, דערצעהלט באַנ־
קראָפט, „האָט געגרינדעט א מיסיאָן צווישען די
אינדיאנער אין קאליפאָרניא אין 1776, זיינען די
בּרעגעס לעבען סאַן־פראנציסקאָ געווען געדיכט
בעזעצט פון ווילדע שבטים. אין זייערע שפּראַ־
כען געפינט זיך ניט א וואָרט פיר גאָט, מלאך
אָדער טייוועל. גאַרפאלאססא זאָגט, אז די
טשיריהונאכ' האָבען קיין נייגונג צו דיענען
אָדער צו פערהייליגען וועלכע עס איז זאך. באל־
באַא ערדינערט פיעלע שבטים, וועלכע ער האָט
געטראָפען אָהן שום רעליגיאָן" א. ז. וו.

די רעליגיעזע אידעען האָבען אלזאָ ניט
דיזען איבערנאטירליכען אורשפּרונג, וועלכע
מען האָט זיי צוגעשריבען. די אבשטאמונג מוז
אלזאָ זיין א נאטירליכע — ווי־זשע זיינען זיי
ענטשטאנען?

צו געבען אן אנטוואָרט אויף דיזע פראגע איז
ניט אזוי לייכט, וויא מאנכע משכילים קענען
מיינען. עס איז ניט וואהר וואָס אנדערע רע־
דען זיך איין, אז די רעליגיאָן איז אויסגע־
קלעהרט געוואָרען פון שווינדלער פיר זייערע
אייגענע צוועקען. אזעלכע זאכען וויא רעליגיאָ־
נען קלערט מען ניט אויס. עס איז א נאטיר־
ליכע און נויטווענדיגע ערשיינונג אין מענשלי־
כען לעבען; און מען קען זיך גאָר ניט פאָרשטע־
לען וויא עס האָט געקענט אנדערש זיין. אין א
צייט, ווען מען האָט זיך קיין ערשיינונג ניט גע־
קענט ערקלערען אויפ'ן נאטירליכען וועג, איז
די רעליגיאָן געווען די איינציגע לאָגישע און
נאטירליכע ערקלערונג. אין דעם אָבער, וויא
אזוי מענשען האָבען זיך גאָר אין אָנפאנג ער־
קלערט די נאטירליכע ערשיינונגען און זיינען
דאדורך געקומען צו א רעליגיאָן וויא מיר קענען
זיא היינט, זיינען דאָ חלוקי דעות. און עס איז
גאָר קיין וואונדער ניט. די סאָציאָלאָגיע, ד.
ה. די וויסענשאפט, וועלכע האנדעלט איבער
דעם צוזאמענלעבען פון מענשען, איבער זיינע
לעבענס־בעדינגונגען, געזעלשאפטליכע פער־
העלטניסע, זיין ענטוויקלונג, פערשידענע פילאָ־
זאָפישע אנזיכטען, רעליגיאָן, קונסט און
אזוי ווייטער — דאָס זיינען אלין זעהר
פערוויקעלטע פראגען. עס איז גאַנץ
נאטירליך, אז אין דיזע פראגען זאָל זיין מעהר
מיינונגס־פערשידענהייטען וויא אין ווייניגער
פערוויקעלטע פראגען. מיר דארפען אָבער ניט
פערצווייפלען: מיר האָבען שוין היינט אזוי פיעל
מאטעריאל — און גראדע דורך דיזע מיינונגס־
פערשידענהייטען — וועלכעס גיט אונז די מעג־
ליכקייט אויסצוגעפינען און אָנצונעהמען די
אנזיכטען, וועלכע זיינען אם נעהנטסטען צו
דער וואהרהייט.

דער פּלאַץ אין דיזען זשורנאל ערלויבט ניט
אריינצולאָזען זיך אין איינצעלהייטען און נאָכ־
צופאָרשען יעדע מיינונג. וועגען דעם דארף מען
שרייבען גאנצע ביכער. פאר אונז וועט דאָ גע־
נוג זיין איבערצוגעבען די לעהרע, וועלכע דער
גרויסער פילאָזאָף הערבערט ספּענסער האָט ענט־
וויקעלט אויף דעם גרונד פון פיעלע גרינדליכע
נאָכפאָרשונגען.

## וואהרשיינליכע אידעען.

פאר אלעם דארף מען געדענקען איין
זאך: מען דארף ניט פערגעסען, אז מיר האָבען
ניט קיין בעריכטען אין קיין היסטאָריע פון די
ווירקליך אורשפּרינגליכע מענשען, אז מיר זאָלען
קענען בעשטימען זייערע אידעען. אלע טהעאָ־
ריען זיינען נאָר געבויט אויף פאקטען, וואָס
מען נעהמט פון די ווילדע שבטים, וועלכע לע־
בען נאָך היינט, און עס איז נאָך ניט פעסטגע־
זעצט, אז די אוראלטע מענשען זיינען געשטא־
נען גראדע אויף דער זעלבער שטופע וויא די
היינטיגע ווילדע שטעהען.

אויסער דיזען איז דאָ נאָך א שוועריגקייט:
אום זיך צו קענען מאכען א ריכטיגען בעגריף
פון די אידעען, וועלכע די ארומיגע וועלט
האָט געקענט בעשאפען אין דעם מוח פון א פּרי־
מיטיווען (אוראלטען) מענשען, מוזען מיר קע־
נען בעטראכטען די וועלט פון זיין שטאנד־
פונקט; מען מוז זיך קענען ענטזאגען פון אלע
בעגריפע, וועלכע א היינטיגער מענש האָט, און
זיך אין גאנצען פערזעצען אין דעם ווילדען מענ־
שען'ס צושטאנד. דיזעס איז אָבער א זאך, וואָס
קיין מענש קען ניט עררייכען פאָלשטענדיג, און
נאָר ווייניגע קענען עס טהאָן טהיילווייז. ווען
מען בעטראכט וויא עלטערן און לעהרער בע־
געהען זיך מיט קינדער; ווען מען זעהט, צום
ביישפּיעל, וויא מען צווינגט קליינע קינדער צו
לערנען גראמאטיק נאָך איידער זיי פערשטעהען
די שפּראך; ווען מען זעהט וויא מען שלאָגט
קינדער, ווייל זיי קענען ניט בעגרייפען די אב־
סטראקטע אידעען, וואָס די גרויסע פערשטע־
הען, קען מען זעהען וויא שווער עס איז פיר
א מענשען זיך צו פערזעצען אין דעם קינד'ס גע־
דאנקען, אָדער בעסער, צוריק צו דענקען וויא
זיי אליין האָבען א מאָל געדענקט; היינט וויא
שווער איז שוין צוריק צו דענקען, וויא מענשען

האָבען געדענקט מיט צעהנדליגע טויזענדער יאָהר צוריק. און דאָס איז טאַקע דיא אורזאַך, וואָס מיר קענען ניט פערשטעהען, וויא אזוי מענשען האָבען א מאָל געקענט גלויבען אין בוי־מער, העלצער, בהמות, חיות א. ז. וו.

טראָץ דיזע שווערינקייטען אָבער, מוזען מיר זיך בעמיהען, אויף וויא פיעל מעגליך, זיך פאַר־צושטעלען דיא וועלט, וויא דער ווילדער מענש האָט זיא געזעהען.

מיר וועלען דיזעס קענען טהאָן ביז א געווי־סען גראַד, ווען מיר וועלען נאָר האלטען אין זי־נען, אז דיא געזעצע פון דענקען זיינען איבעראַל דיא זעלבע. מיר וועלען דאַן קענען זעהן, אז דער ווילדער מענש, אין זיין צושטאַנד פון ענט־וויקלונג, האָט געדענקט גאַנץ לאָגיש און ריכטיג.

וויא אזוי דענקט א מענש?

יעדער מענש, וויא ווילד אָדער וויא ציווי־ליזירט ער זאָל ניט זיין, קען נאָר דענקען אין פערבינדונג מיט וואָסער־עס־איז געגענ־שטאַנד. עס איז ניט מעגליך קיין געדאַנק, וואו מען זאָל ניט דענקען וועגען וועלכער־עס־איז זאַך, און דאַן קענען מיר נאָר דענקען פון א זאַך אָדער פון איהרע אייגענשאַפטען אין פערגלייך מיט אנדערע זאַכען, וועלכע מיר קענען שוין פון פרי־הער. דעם מענשען'ס דענקען איז אַלזאָ דיא טהעטיגקייט פון קלאַסיפיצירען (איינטהיילען, פערגלייכען) זאַכען און שייכות'ן פון זאַכען. ווען מיר דענקען וועגען א „מענש וויא א בוים", הייסט עס, אז מיר האָבען פערגליכען איין אייגענ־שאַפט פון א מענשען צו דער אייגענשאַפט פון א בוים, וועלכען מיר קענען שוין פון פריהער — אין הויכקייט און גלייכקייט. ווען מיר דענ־קען פון איינעם, וואָס „רעדט זיס" הייסט עס, אז מיר פערגלייכען א'ן אייגענשאַפט פון דיזען מענ־שען — זיין רעדען, צו אן אייגענשאַפט פון אן אנדער זאַך, פון צוקער, למשל, וועלכע מיר קע־נען שוין פון פריהער; מיר דענקען, אז דיזען מענשען'ס רעדען מאַכט אויף אונז גראַדע אזא ווירקונג, וויא זיסקייט מאַכט אויף אונז. דאָ האָבען מיר קלאַסיפיצירט צוויי פערשידענע איי־גענשאַפטען און פערגליכען איינע מיט דער צווייטער. ווען מיר דענקען פון א „מענש וויא א חיה" הייסט עס, אז מיר האָבען פערגליכען מאַנכע אייגענשאַפטען פון א מענשען — זיין פיה־לען, זיין יושר — צו דער אייגענשאַפט פון א חיה, א. ז. וו.

זאַכען, וועלכע זיינען איינפאַך און שטעהען אין נאָהענטער שייכות איינע צו דיא אנדערע, קענען פערגליכען און קלאַסיפיצירט ווערען פון איינפאַכע קעפּ. יענע זאַכען אָבער, וועלכע זיי־נען מעהר פערוויקעלט אין זייער שייכות און ניט אזוי נאָהענט איינע צו דיא אנדערע, קענען נאָר פערגליכען ווערען פון מעהר ענטוויקעלטע קעפּ. ווען ווייניגער ענטוויקעלטע מענשען נעה־מען זיך צו פערגלייכען מעהר פערוויקעלטע זא־כען, וועלען זיי מאַכען גרויסע פעהלערען, ווייל זיי פערגלייכען נאָר דיא ציגע, וואָס זיינען אוי־בערפלעכליך אם מייסטען עהנליך, און ניט אי־מער זיינען דיא מייסט עהנליכע ציגע דיא, וועל־כע מען קען פערגלייכען און פון וועלכע מען קען ציהען שליסע.

איניגע ביישפּיעלע וועלען קלאָר מאַכען דעם גאַנצען ענין. אין אלטע ביכער פון נאַטור־וויסענשאַפט ווערט דער וואַל־פיש גערעכענט אַלס א פיש. לעבעדיג אין וואַסער און אויס־זעהענדיג וויא א פיש — וואָס קען ער זיין עט־וואָס אנדערס וויא א פיש? אין אמת'ן אָבער איז דער וואַל־פיש א זויג־טהיר. פון וואַנען איז געקומען דיזער טעות? ווייל דיא דאַמאָלסדיגע געלעהרטע האָבען ניט געהאַט גענוג פאַקטען און גענוג וויסען איבער אַלע חיות, וואָס לעבען אין וואַסער, און זיינען אַלזאָ ניט געווען גענוג ענט־וויקעלט אין דיזער פראַגע, האָבען זיי דעם וואַל־פיש פערגליכען מיט דער זאַך, צו וועלכער ער איז אויבערפלעכליך אם מייסטען עהנליך.. וויע־דער, ווער ווייס דאָס ניט דיא מעשה פון דעם פויער, וועלכער האָט צוהאַקט א גאָלדענעם זיי־גערל אויף שטיקלאַך אום צו דער'הרג'ענען דעם טייוועל, וואָס האָט אינעווייניג געקלאַפּט? איז דיזער פויער געווען משוגע? געוויס ניט. ער האָט געדענקט גאַנץ לאָגיש; ניט זייענדיג אָבער בעקאַנט מיט דער מעכאַניק און ניט וויסענדיג, פאַרוואָס דאָס זייגערל קלאַפּט און שאָקעלט זיך אינעווייניג, איז דאָס געווען דער איינציגער שלוס, צו וועלכען ער האָט געקענט קומען. ער האָט נאָר פערגליכען דיא אייגענשאַפט פון א געוויסען געגענשטאַנד צו דער מייסט עהנלי־כער אייגענשאַפט פון אן אנדער געגענשטאַנד, נעמליך, דיא בעוועגונג פון א מענשען צו דער בעוועגונג פון דעם זייגערל, און איז געקומען צום שלוס, אז אין דעם „שאַכטעלע לעבט עטוואָס". קיין מענש איז דיזעס ניט, דאָס האָט ער ווידער אויסגעפונען פון פערגלייכונגען פון אנדערע איי־גענשאַפטען פון א מענשען און זייגערל; פון טייוואָלים אָבער ווייס ער שוין פון פריהער, אז זיי לעבען און בעוועגען זיך, נאָר מען קען זיי

ניט זעהן, האָט ער דאן פערגליכען דיא אייגענשאפט פון דעם זייגערל מיט יענע און איז געקומען צום שלום, אז דאָ איז ניט אנדערש וויא א טייוועל.

לאָמיר נעהמען נאָך אביישפּיעל: ווען נאָך א לאנגען, שטארקען פראָסט, ווען דיא לופט זייענדיג געדיכט אָנגעפילט מיט וואסער, קומט אין בעריהרונג מיט א גלאטער און קאלטער זאך, צום ביישפּיעל, א וואנד, און נאָך דעם וויא דאָס וואסער האָט זיך דאָרט גענוג אָנגעזאמעלט און עס הייבט אָן העראָבצוטריפען, הערט מען דיא בעמערקונג: „דיא וואנד שוויצט“, ווייל ניט זעהענדיג וויא דאָס וואסער איז ארויפגעקומען אויף דיא וואנד, מאכט עס אן איינדרוק וויא עס וואָלט ארויסגעקומען פון דער וואנד, אקוראַט וויא שווייס קומט ארויס פון א מענשען. וואָס האָט מען דאָ געטהאָן? מען האָט פערגליכען דיא אויבערפלעכליכע מייסט־עהנליכע שייכות פון איין זאך צו אן אנדערער, און עס איז ארויסגעקומען א גרויסער טעות.

ווען אזעלכע פעהלערען טרעפען נאָך מיט היינטיגע מענשען, קענען מיר זיך שוין פאָרשטעלען וואָס׳ערע פעהלערען דיא אוראלטע מענשען, וועלכע האָבען פיעל, פיעל וויניגער געוואוסט, האָבען געמאכט מיט זייערע פערגלייכונגען, אָדער בעסער, מיט זייער דענקען. אָט איז א ביישפּיעל: געוויסע אינדיאנער גלויבען נאָך היינט, אז טהוי איז „דיא שפּייעכץ פון שטערען“. בעטראכט דעם אורשפּרונג פון דיזען גלויבען: טהוי איז א קלאָהרע פליסיגע זאך, צו וועלכע שפּייאכץ האָט מאנכע עהנליכקייט. עס איז א פליסיגע זאך, וועלכע ליגענדיג אויף דיא בלעטער, מאכט דעם איינדרוק וויא זיא וואָלט געקומען פון אויבען, אקוראט וויא שפּייאכץ קומט פון מויל. אראָבקומענדיג אָבער אין א קלאָרע, ניט וואָלקענדיגע נאכט, האָט זיא נאָר געמוזט קומען פון דער איינציגער זאך, וועלכע מען קען זעהען — פון דיא שטערען.

און יעצט האָבען מיר זיך געוויסערמאסען צוגעפּערטיגט צו פערשטעהן דיא אורשפּרינגליכע אידעע. מיר ווייסען שוין, אז דענקען איז א פּראָצעס פון פערגלייכען זאכען מיט אנדערע, וואָס מען קען שוין פון פריהער; מיר ווייסען אויך, אז ניט זייענדיג בעקאנט מיט גענוג פאקטען, קומט דיא פערגלייכונג ארויס א פאלשע. לאָמיר יעצט טהאָן א בליק אויף דיא אומשטענדען, אונטער וועלכע דער ווילדער מענש האָט זיך געפונען און וואָס׳ערע אידעען עס האָבען זיך ביי איהם געמוזט ענטוויקלען.

## דיא נאַטירליכע ערשיינונג און דער ווילדער מענש.

אויף דעם הימעל האָט א ווילדער מענש געזעהען א וואָלקען, וועלכער וואקסט פון מינוט צו מינוט און האלט זיך אין איין בעוועגען; אן אנדערס מאָל, ווען ער קוקט זיך צו צו דיזער בעוועגליכער מאססע, זעהט ער וויא טהיילען רייסען זיך אָפּ פון דעם וואָלקען, פליהען אוועק און פערשווינדען, און אָט איז דיא גאנצע מאסע אוועק. וואָס קען זיך דער ווילדער דענקען וועגען דיזען פאל? וואָס א וואָלקען איז וויים ער ניט. ער וויים נאָר, אז ער האָט געזעהען א זאך, וועלכע ער האָט פריהער ניט געקענט זעהן און וועלכע איז יעצט ווידער פערשוואונדען.

אין דעם זעלבען רוים, איבער זיין קאָפּ, פּאַסירען נאָך אנדערע זאכען, וועלכע ער קען זיך ניט ערקלעהרען.

ווען דער טאָג הייבט אָן ארונטערצוגעהן און עס הייבט אָן צו ווערן דונקעל, ציינען זיך אין דער הויך בלישצענדע פּינטעלעך, און וואָס פינסטערער עס ווערט, אלץ מעהר פּינטעלעך בעווייזען זיך און זיי שיינען אלץ העלער. אין דער פריה פערשווינדען זיי ביסלעכווייז, איינס נאָך איינס, אקוראט וויא זיי זיינען געקומען, ביז דיא לעצטע. זייענדיג גאנץ פערשידען פון דיא וואָלקענס אין אלע הינזיכטען, זיינען זיי אָבער גלייך אין דעם, וואָס דאָ בעווייזען זיי זיך און דאָ פערשווינדען זיי. אז א שוואכע ליכטיגקייט ווערט פערדונקעלט פון א העלערע, און אז דיא שטערען שיינען אויך ביי טאָג, כאָטש מען זעהט זיי ניט, דאָס זיינען זאכען, וועלכע דער אורשפּרינגליכער מענש קען זיך ניט פאָרשטעלען און אויך ניט בעגרייפען. אלץ, וואָס ער זעהט און וויים איז, אז דיזע אלע זאכען בעווייזען זיך און פערשווינדען. דאָס זעלבע איז אויך מיט דער זונן און מיט דער לבנה: אלע זיינען פערשיעדען איינע פון דיא אנדערע, אָבער אלע זיינען גלייך אין דעם, וואָס זיי ערשיינען און פערשווינדען אין בעשטימטע צייטען.

און אויסער דיא געוועהנליכע זאכען, וואָס ער זעהט כמעט יעדען טאָג, קומען נאָך צו דיא אונגעוועהנליכע זאכען, וואָס פאסירען ניט אלע טאָג, וויא א קאָמעט, א מעטעאָר, א בליץ, א רעגען־בויגען א. ז. וו. אלע דיזע זאכען האָבען דיזעלבע אייגענשאפט: זיי בעווייזען זיך און בע־

האלטען זיך. זייענדיג פאָלשטענדיג אונוויסענד, אָבער האָבענדיג צו דערזעלבער צייט א זכרון צו געדענקען דיא זאכען וואָס ער זעהט, מוז ביי איהם אויסקומען, אז „אויף דעם הימעל איז א יריד“, אז דער הימעל איז עפּעס א זאמעלפּלאַץ פון פערשידענע זאכען, וועלכע האלטען אין איין קומען און אין איין געהן, אייניגע ביסלעכווייז, אנדערע מיט א מאָל, אָבער אלע גלייך אין דיזען וואָס מען ווייס ניט פון וואנען זיי קומען און וואו זיי געהען אוועק.

און ניט נאָר דער הימעל, אויך דיא ערד'ס אויבערפלעכע גיט איהם געלעגענהייט צו בעמערקען פיעלע אזעלכע פאקטען. אָט האָט ער נאָר וואָס געזעהען א רעגען, מיט א מאָל האָט זיך אָנגעהויבען צו גיסען וואסער, ער ווייס ניט פון וואנען. דאָס וואסער זאמעלט זיך אויף דער ערד, און אין פערלויף פון עטליכע שטונדען איז עס פערשוואונדען, עס איז אוועק און ער ווייס ניט וואו עס איז אהינגעקומען.

וואָס איז א ווינד? ווער קען דאָס דעם ווילדען ערקלערען? פּלוצלונג אין דעם פּלאַץ, וואָס איז, דאכט זיך, ליידיג פון אלע זייטען, קומט עפּעס א זאך, וועלכע ער קען ניט זעהען, און טרייסעלט דיא בוימער, טרייבט דיא בלעטער, צורודערט דאָס וואסער און מאנכעס מאָל טרייבט עס איהם אליין, אז ער קען זיך נור מיט שוויריגקייט צוריק האלטען. דיא נאטור פון דיזער ערשיינונג קען איהם קיינער ניט ערקלערען. אין איין זאך איז ער אָבער איבערצייגט: אז אלע זאכען ארום איהם בעוועגען זיך און ער אליין ווערט געשטופּט פון אימיצען, וועלכען ער קען ניט זעהען.

וואָס'ערע אידעען קען זיך דיזער ווילדער מענש מאכען פון דיזע אלע זאכען? וויא קען ער זיך דאָס אלעס ערקלערען? דיא אלע וויסענשאפטליכע ערקלערונגען וואָס מיר האָבען היינט, ווייס ער ניט, וויא־זשע בעגרייפט ער דיזע אלע ערשיינונגען?

א תירוץ אויף דיזע פראגע קען מען געפינען, ווען מיר וועלען בעטראכטען געוויסע בעמערקונגען פון קינדער. ווייזט א קינד א סטערעאָפּטישע בילד און איהר וועט זעהן, אז יעדעס מאָל וואָס א בילד פערשווינדעט, שרייט דאָס קינד, אז דאָס בילד איז אוועקגעגאנגען. דיא אידעע וואָס דאָס קינד האָט, איז ניט, אז דיזע זאך וואָס עס האָט נאָר וואָס געזעהען, האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען, נור אז דאָס איז נור אוועק אויף א צייט. דאָס זעלבע פּאסירט אויך מיט דעם ווילדען. ער ווייס אויך פון פערשיעדענע זאכען ארום איהם, וואָס געהען אוועק און עקזיסטירען ווייטער, און ער גלויבט, אז זיי עקזיסטירען טאקע און געהען נור אוועק אויף א צייט. ווען מען בערעכענט נאָך, אז זיינע ערפאהרונגען פון ווינד זאָגען איהם, אז עס זיינען פאראנען זאכען, וועלכע מען קען ניט זעהן און בעזיצען פון דעסטוועגען קראפט, וועט מען איינזעהן, אז דיזער גלויבען ביים ווילדען איז גאנץ נאטירליך.

אן אנדער ארט פון ערשיינונגען ווידער פיהרען דעם ווילדען צום גלויבען פון מעטאמאָרפאָזען (פערוואנדלונגען), אז איין זאך קען פערוואנדעלט ווערן אין א צווייטע, אז פון א מענש קען ווערען א ציעג, אן אָקס אָדער א שטיין, און אויך פערקעהרט.

דער פלאַץ דאָ איז צו בעשרענקט צו בריינגען אלע פאקטען, וועלכע ספּענסער האָט צוזאַמענגעקליבען. איך וועל דאָ נור אויפמערקזאם מאכען אויף דער מעשה מיט לוט'ס ווייב. אידען גלויבען נאָך ביז היינטיגען טאָג, אז פון לוט'ס ווייב איז געוואָרען א שטיק זאלץ און וואשען נאָך ביז היינטיגען טאָג מים אחרונים מטעם מלח סדומית.

מיר האָבען זאָגאר נאָך היינט ערשיינונגען, וועלכע קענען א גאנץ אונענטוויקעלטען מענשען מאכען גלויבען אין פערוואנדלונגען. בערעכענט דעם גרויסען אונטערשיעד פון דיא זריעה, וואָס מען לייגט אין דער ערד, און דיא פרוכטען, וואָס וואקסען ארויס. וויא פערשיעדען זיינען דיא אייער פון דיא הינדעלעך, וואָס קומען פון זיי ארויס! בערעכענט נור דיזעס, און איהר וועט איינזעהען, אז פאר א ווילדען איז זעהר לייכט צו גלויבען אין פערוואנדלונג. און עס איז נאָך גאָר ניט לאנג צוריק וויא געבילדעטע מענשען האָבען געגלויבט, און דער פּראָסטער עולם גלויבט נאָך היינט, אז אין פערפוילטע פליייש קומט אריין ווערים פון זיך זעלבסט, אָדער אז דיא ווירעמלעך אין קעז קומען פון דעם קעז גופא, דאָס הייסט, אז דאָס פערפוילטע פליייש אָדער קעז האָט זיך פערוואנדעלט אין לעבעדיגע ווערים.

און ווען דיזעס איז מעגליך, ווען פון פליייש אָדער פון קעז קען ווערען ווערים, ווען פון אַן איי קען ווערען א הוהן, ווארום קען ניט א מענש ווערען א פערד, אן אייזעל, א שטיין? און ווארום קען ניט א פערד ווערען א מענש? און דער ווילדער האָט דאָס טאקע געגלויבט.

וואָס איז א שאָטען? וואָס קען זיך דער ווילדער דענקען וועגען דיזע ערשיינונג?

דער וואָס האָט נאָך ניט פערגעסען זיינע קינדערשע געדאנקען, וועט זיך עראינערען מיט וואָס'ער אינטערעס ער פלעגט בעטראכטען א שאָטען, וויא ער בעוועגט דיא הענד מיט דיא פיס, וויא ער לויפט, געהט, שטעלט זיך אָפּ א. ז. וו. אָט האָט ער זיך אויסגעצויגען, אָט האָט ער זיך איינגעקאָרטשעט, דאָ לויפט ער אויף דיא וואנד און דאָ אויף ד'ערד א. ז. וו. קינדער בעטראכטען א שאָטען פאר אן עקזיסטירענדע זאך. היינט ווייסען מיר, אז דער שאטען שטאמט פון דעם, וואָס דיא ליכטיגקייט, קומענדיג אין שטראהלען, לאָזט איבער דיזע פלעצער, וואָס זיינען פערשטעלט פון אן אונדורכדרינגליכע זאך, ניט בעלויכטען. דער ווילדער וויים דערפון גאָר ניט. עס איז אויך ניטאָ קיינער וואָס זאָל איהם זאָגען: „עט, דאָס איז נור א שאָטען". ער זעהט דעם פאקט, און מוז קומען צום שלוס, אז א שאָטען איז אן ע ק ז י ס ט י ר ע נ ד ע ז א ך. ער זעהט אָבער, אז דער שאָטען איז נור דאָ וואו ער איז דאָ, אז ער געהט ווען ער געהט, און שטעהט, ווען ער שטעהט. און ער קומט דארום צום שלוס, אז דער שאטען איז א טהייל פון איהם.

וויא ווייט עס איז אמת, אז ווילדע מענשען בעטראכטען דעם שאָטען אלס אן עקזיסטירענדע זאך, זיינען דאָ פיעלע בעווייזע: דיא בענינגער בעטראכטען דעם שאָטען אלס זייער נשמה; אנדערע האָבען מורא פאר זייער שאָטען; אנדערע גלויבען, אז זייער שאָטען שפּירט נאָך אלץ וואָס זיי טהוען און זאָגט נאכהער עדות געגען זיי. דיא גרינלענדער זאָגען, אז א מאן'ס שאָטען איז איינער פון זיינע נשמות — דיזע, וועלכע געהט ארויס פון זיין קערפּער ביי־נאכט. אידישע קינדער גלויבען, אז ווען זיי זעהען ניט דעם שאָטען, איז א סימן, אז זיי וועלען שטארבען, און אויב איך האָב ניט קיין טעות, געפינט זיך דיזער אבערגלויבען אין ספר זכירה.

דער שאָטען איז אלזאָ א זאך, וואָס א מאָל בעווייזט ער זיך און אן אנדערש מאָל פערשווינדעט ער; קומען קומט ער פון דעם מענשען גופא, און דאָס ווידער ברענגט ארויף אויף דעם רעיון, אז דער מענש איז א ד אָ פּ ע ל ט ע ר; איינער, וועלכען מען זעהט און א צווייטער, וועלכער בעווייזט זיך נור צייטענווייז. אז דאָס איז אזוי, האָט דער ווילדער נאָך אנדערע בעווייזע. יעדעם מאָל, וואָס ער קוקט אין וואסער אריין, זעהט ער א מענשען גראדע וויא ער, וואָס טהוט זאָגאר נאָך אלץ וואָס ער טהוט. ער וויים ניט וואָס הייסט „אָפּשפּיגלען", ער וויים ניט וויא אזוי דאָס אָפּשפּיגלען קומט, ער זעהט נור דעם פאקט. נאָך מעהר, גאנץ טיעף אין וואסער זעהט ער נאָך אנדערע זאכען; ער זעהט דאָרט וואָלקענס גראדע, וויא איבער זיך. דיא וואָלקענס פון אויבען קומען און פערשווינדען. אונטען זיינען אויך דאָ וואָלקענס. האָבען ניט דיא וואָלקענס פון אויבען א שייכות מיט דיא וואָלקענס פון אונטען? ביי־נאכט זעהט ער אין וואַסער שטערען, וואָס פינקלען גראדע וויא דיזע פון אויבען. זיינען פאראן צוויי פלעצער פאר שטערען? און זיינען דיזע, וואָס זיינען פערשוואונדען ביי־טאָג ניט ארונטערגעגאנגען צו דיזע, וואָס זיינען טיעף אונטער דעם וואסער?

אָט איז א בוים, פון וועלכען ער ברעכט צווייגען צום פייער — איז דיזער בוים אויך א דאָפּעלטער? האָט דאָס, וואָס דיא צווייג פערשווינדעט אין דעם פייער, עפּעס א צוזאמענהאנג מיט דעם זעהבארען און אונזעהבארען צושטאנד, וואָס ער בעמערקט אין אנדערע זאכען? אין עס זיינען טאקי דאָ פעלקער, וואָס גלויבען אין דיזע אלע זאכען. גאנץ דאָס זעלבע איז מיט א ווידער־קול. דיזעלבע ערשיינונג און דיזעלבע שליבע.

יעקב מילך.

(פאָרטזעצונג פאָלגט).

# „דיא אידישע צוקונפט“

(וועגען דעם ציוניסטישען מאָנאַטליכען זשורנאַל „דיא אידישע צוקונפט“)

דיא אידישע צוקונפט! וואָס וועט זיא זיין? וואָס וועט ווערן פון דעם אונגליקליכען ישראליק, וועלכער האָט דורכגעמאכט א שרעקליכען גלות אין פערלויף פון 2000 יאָהר און וועלכער טרוימט נאָך יעצט, טראָץ אלע פערפאָלגונגען און אינקוויזיציאָנען, זאָגאר פון א זעלבסטשטענדיגע פּאָליטישע עקזיסטענץ? ווער קען עס פאָראויסזאָגען? ווער קען זיך ארויסשטעלען פאר אזא נביא?

מיר, סאָציאליסטען, יעדענפאלס ניט. נאַטירליך, מיר טרוימען אויך פון א בעסערע צוקונפט, אָבער פאר אלע מענשען גלייך, ווייל מיר זיינען איבערציינט, אז ווען אלע מענשען וועלען ווירקליך זיין גלייך עקאָנאָמיש און יעדער סמן פון קלאסענהערשאפט וועט אָבגעשאפט ווערן, וועט אויך דיא לאגע פון אידישען פאָלק, אויב ער וועט זיך דאָך ניט צוזאמענשמעלצען מיט אנדערע פעלקער, ניט זיין ערגער וויא דיא לאגע פון אנדערע פעלקער. יא, מיר, סאָציאליסטען, גלויבען אין פּראָגרעס, ווייל דיא גאנצע געשיכטע פון דער מענשהייט האָט אונז איבערציינט, אז וואָס ווייטער איז אלץ בעסער, אז יעדער נייער דור איז עדלער און פאָרטגעשריטענער וויא דער פאָריגער. מיר גלויבען ניט אין דיא „גאָלדענע“ צייטען פון אמאָל, ווייל דיא קולטור-געשיכטע בעווייזט אונבעשטרייטבאר, דאָס וואָס ווייטער צוריק אין דער פערגאנגענהייט, אלץ ווילדער זיינען מענשען געוועזן און אלץ קלענליכער איז זייער לעבען געוועזן.

דעריבער קענען מיר ניט זיין פעסימיסטען; דעריבער קענען מיר ניט פערצווייפעלט ווערן און זוכען טרויסט אין פאנטאזיעס, ווייל אין איינעגע לענדער און זאָגאר אין אלע לענדער געפינען מיר אויך מעהר אָדער ווייניגער אנטיסעמיטען. מיר בעקעמפפען דיא אנטיסעמיטען וויא אלע אנדערע רעאקציאָנערען, וויא אלע אנדערע פיינדע פון פאָרטשריט, וויא אלע געגנער פון סאָציאליזמוס; אָבער מיר ווילען זיי ניט אָפּטרעטען דעם פּלאַץ, פערלאָזען אונזערע פּאָזיציאָנען אלס פּראָגרעסיווע מענשען און נאָך מעהר אלס סאָציאליסטען און פערקריכען ערגעץ אין אוגאנדא אָדער זאָגאר אין פאלעסטינע, וועלכע מיר בעטראכטען איינפאך אלס א ווינקעל פון אידישע, קריסטליכע און מאָהאמעדאנער אבערגלויבען, אלס א נעסט פון גייסטיגע רעאקציאָן.

פון אזא אידישע צוקונפט ענטזאגען מיר זיך ענטשידען, מיר ווילען פון איהר גאָר ניט וויסען, ווען זאָגאר עס זאָל פראקטיש מעגליך זיין צו גרינדען א „יודענשטאאט“ נאָך דיא פאנטאסטישע רעצעפּטען פון דר. הערצל׳ס „אלט-ניילאנד“.

אָבער מיר ווייסען אויך פון דער געשיכטע, אז דער פּראָגרעס קומט ניט פון זיך אליין. מען מוז טיכטיג ארבייטען און אויך ברייגגען אָפּפער, אז ער זאָל קומען. אָהן מענשליכע טהעטיגקייט איז קיין פּראָגרעס מעגליך; דיא צייט פערשווינדט אין דער עוויגקייט גאנץ פרוכטלאָז און נוצלאָז אָהן דיא קולטורעלע ארבייט פון מענשען. דיזע ארבייט איז אָבער אימער דיא געגענווערטיגע, און דארום בעשעפטיגען זיך סאָציאליסטען מיט דער געגענווארט. מיר ווייסען נאָר, אז וואָס בעסער, ענערגישער און צוועקמעסיגער אונזער געגענווערטיגע טהעטיגקייט איז, אלץ בעסערע און געזינטערע פרוכטען וועט זיא ברייגגען אין דער צוקונפט. מיר ווייסען אויך, אז מיט טרוימען און איינבילדונגען וועגען א צוקונפט דער נעהטערט מען איהר ניט אויף א האָאָר, נאָך מעהר — מען דערווייטערט איהר, דען דיא צייט וואָס מען טרוימט, געהט פערלאָרען פיר פּראקטישע טהעטיגקייט.

* * *

דיזע און עהנליכע געדאנקען האָבען געשוועבט אין מיין מוח, ווען איך האָב געלעזען דעם ערשטען נומער פון דעם מאָנאטליכען זשורנאל „דיא אידישע צוקונפט“, וועלכע דר. י.

וואָרטשאַוו רעדאַקטירט און גיט ארויס אין לאָנדאָן, ענגלאַנד. אָהן שום פּאַרטייליכקייט, פּאַרקערט, זאָגאַר מיט פריינדליכע געפיהלען — ווייל איך סימפּאַטיזיר איבערהויפּט מיט יעדע ערנסטע ליטעראַרישע אונטערנעהמונג און איך בעטראַכט „די אידישע צוקונפט“ פאַר אַזאַ אונטערנעהמונג — האָב איך אָנגעפאַנגען צו לעזען דעם פּראָגראַם־אַרטיקעל פון דעם רעדאַקטאָר. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דאָרטען געפינען עפּעס אַ פילאָזאָפישע בעגרינדונג פון דעם פּאָליטישען ציוניזמוס, אָבער איך האָב געטראָפען גאַנץ געוועהנליכע פראַזען און בעהויפּטונגען, וועלכע זיינען נאָך ערטערווייז צוזאַמענגעפלאָכטען מיט פאַלשע בעטראַכטונגען.

צום ביישפּיעל, אויף דער ערשטער זייט געפינט זיך אַזאַ בעהויפּטונג:

„אויך דאָס אידישע פאָלק בעשטעהט אויס פערשיעדענע פּאַרטייען און גרופּען, וועלכע פיהרען צווישען זיך אַן עביגע מלחמה. דער אונטערשיעד בעשטעהט אָבער אין דעם, וואָס אין דער צייט, ווען ביי אַנדערע פעלקער האָבען אַלע איין צוועק פאַר זיך און אַט דיזער צוועק פעראייניגט זיי אין דער צייט פון געפאַהר, האָבען אונזערע פּאַרטייען און גרופּען פערשיעדענע צוועקען און קענען זיך דערפאַר בשום אופן ניט פעראייניגען“.

דיזער זאַץ איז געבויט אויף אַ פאַלשע און יעדענפאַלס זעהר קורצזיכטיגע און איינזייטיגע בעטראַכטונג פון דער געשיכטע. נאַטירליך, יעדעס פאָלק זוכט זיך צו פערטהיידיגען געגען אויסווערטיגע אטאַקעס. דאָס איז אַ נאַטירליכער געזעץ פון זעלבסטפערטהיידיגונג. ווילדע פעלקער זיינען אין דיזער הינזיכט אַזוי צוגעבונדען צו זייערע לענדער און מנהגים, וויא די ציוויליזירטע. מיר זעהען, וויא די ווילדע פעלקער קעמפּפען מיט אַ מערקווירדיגען העלדענמוטה געגען די פערכאַפּונגען פון די אייראָפּעאישע גרויסמעכטע. די אידען זיינען קיין אויסנאַהמע. אמת, זיי האָבען קיין לאַנד צו פערטהיידיגען אַלס זייער אייגענע אין דעם ענג־נאַציאָנאַלען זינען; אָבער אָבגעזעהען דערפון, דאָס זיי האָבען אַן אינטערעס אין די לענדער, וואו זיי זיינען געבאָרען געוואָרען און וואָהנען, פערטהיידיגען זיי זיך אַלע וויא איין נאַציאָן, צו וועלכע גרופּען זיי זאָלען ניט געהערען, ווען מען גרייפט אָן זייער עקזיסטענץ־רעכט. עס איז גענוג אָנצוצייגען אויף אַזאַ שוידערליכען פאַקט, וויא די קישינעווער בלוטבאָד. אַלע אידען, די אַסימילאַטאָרען און קאָסמאָפּאָליטען אַזוי גוט וויא די הייסעסטע נאַציאָנאַליסטען און ציוניסטען, פריידענקער אַזוי גוט וויא אָרטהאָדאָקסען, סאָציאַליסטען אַזוי גוט וויא קאַפּיטאַליסטען — אַלע האָבען זיך דאַן ניט נור געפיהלט, זאָנדערן אויך ארויסגעצייגט אַלס מיטגליעדער פון איין אידישען פאָלק. זייערע מיינונגען וועגען די אורזאַכען פון דיזער שאַנדע פאַר אונזער ציוויליזאַציאָן זיינען געוועזען פערשיעדען — וואָס עס איז גאַנץ נאַטירליך — אָבער אַלע האָבען געהאַט און האָבען דעם זעלבען וואונש צו בעשיצען די אידען געגען פערפאָלגונגען איבערהויפּט, ניט צו דערלאָזען צו פּאָגראָמען און צו העלפען די אָפּפער.

ניט אויסנאַהמען דאַרף מען נעהמען אין אַנבעטראַכט, ווען מען וויל קומען צו ריכטיגע שליסע. זאָנסט איז עס אַ פעלשונג פון דער געשיכטע. אונטער געוועהנליכע אומשטענדען, ניט רעכענענדיג אַזעלכע אויסנאַהמען אין אונזערע צייטען, ווען די אונאָבהענגיגקייט און זעלבסטשטענדיגקייט פון אַ נאַציאָן שטעהט אין קאָן, קען גאָר קיין ריידע ניט זיין פון איין צוועק ביי מענשען, וואָס ווייסען עפּעס פון דעם קלאַסענקאַמפּף אין דער געזעלשאַפט. אין אַלע ציוויליזירטע לענדער עקזיסטירען יעצט צוויי קלאַסען, וועלכע האָבען ניט נאָר גאַנץ פערשיעדענע צוועקען, זאָנדערן קעמפּפען אויף לעבען און טויט. צווישען פּראָלעטאַריער און קאַפּיטאַליסטען איז קיין פריעדען מעגליך, צו וועלכער נאַציאָן זיי זאָלען ניט בעלאַנגען. די געשיכטע צייגט אונז, אַז אונטער געוויסע אומשטענדען, ווען די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון דעם הערשענדען קלאַס זיינען אין גרויס געפאַהר, קען עס אויך קומען צו אַ נאַציאָנאַלע שפּאַלטונג. וויא פיעל, צום ביישפּיעל, האָט עס געפהלט, אַז די אַמעריקאַנער נאַציאָן זאָל צוטהיילט ווערען דורך דעם קאַמפּף וועגען די נעגער־שקלאַווערייַ? האָבען זיך דען די פראַנצויזישע אַריסטאָקראַטען ניט געווענדעט צו דער הילפע פון אויסלענדישע מלכים אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן?

נאָר די ציוניסטען ווילען איבערהויפּט ניט וויסען פון קלאַסענקאַמפּף. זיי בילדען זיך איין, אַז מיט דעם וואָרט ציון קענען זיי פעראייניגען פייער מיט וואַסער, דעם אידישען פּראָלעטאַריער מיט דעם אידישען קאַפּיטאַליסט, אַזוי וויא אָרטהאָדאָקסישע מיסיאָניסטען שטעלען זיך

פאָר, ווען משיח וועט דערלאַנגען א בלאָז מיט'ן שופר.

ווייטער, ווען ה' וואָרטסמאַן פאַנגט אָן אויסצורעכענען דיא פערשיעדענע אידישע פּאַרטייען, ערקלערט ער:

„אַנדערע מיינען, אַז דערמיט וואָס דיא ניט־אידען וועלען בעסער, עדעלער און מענשליכער ווערן, וועט שוין פון זיך אַליין דיא אידען ניט שלעכט זיין. זיי פערלאַנגען דערפאַר, אַז דיא אידען זאָלען זייערע גאַנצע כוחות אַוועקגעבען כדי דיא ניט־אידען זאָלען געבילדעטער, זאָלען פיינער ווערן. טייל רופען זיך קאָסמאָפּאָליטען, טייל מיינען (? !), אַז זיי זיינען סאָציאַליסטען — אין אמת'ן אָבער זיינען זיי ניט מעהר ווי אַסימילאַנטען, וועלכע האָבען ניט דעם מוטה אָפען (?) דיא אַסימילאַציע צו פּרעדיגען: דעם געדאַנקען, אַז דאָס אידישע פאָלק דאַרף אַלס פאָלק אָפּשטאַרבען, וויקלען זיי איין אין שעהנע פראַזען. ווען אויך דיא מיטעל פון דיא פערשיעדענע אסימילאציע־פּאַרטייען, וואָס זיי ווענדען אָן כדי צו זייער צוועק צו קומען, זיינען אין גרונד זעהר פערשיעדען, האָבען זיי דאָך אַלע א י י ן צוועק: דאָס אָפּשטאַרבען פון דער אידישער נאַציע"...

נון, דאָס איז גרונד פאַלש, ווייניגסטענס וואָס אנבעלאַנגט דיא סאָציאַליסטען. עס איז איינפאַך א פערלוימדונג צו זאָגען, אַז דיא אידישע סאָציאַליסטען שטרעבען צו דער אָבשטאַרבונג פון דער אידישער נאַציאָן. עס איז אויך ניט ריכטיג צוזאַמענצומישען בורזשואזע אסימילאַנטען מיט סאָציאַליסטען. זיי אונטערשיידען זיך הימעלווייט. ה' וואָרטסמאַן צייגט ווידער, אַז ער פערשטעהט ניט און וויל ניט פערשטעהן דיא סאָציאַלע פראַגע פון אונזער צייט. מילא, זיין פראַזע, אַז „א טייל מיינען, אַז זיי זיינען סאָציאַליסטען", זיינען מיר איהם מוחל. דאָס איז איינפאַך לעכערליך צו זאָגען. נאָר ווייס דען גאָר ניט ה' וואָרטסמאַן, אַז דיזע „מיינענדע" סאָציאַליסטען זיינען געוועזן דיא ערשטע, וואָס האָבען געזוכט אויפצוקלערען דיא אידישע מאַסען, וואָס ארבייטען שוין באַלד 25 יאָהר צו אָרגאַניזירען דיא אידישע ארבייטער, וואָס האָבען אויפגעטאָן א סך קולטורעלע אַרבייט פיר דעם אידיש־שפּרעכענדען און לעזענדען פאָלק מיט זייערע צייטונגען, זשורנאַלען, בראָשורען, לעקציעס און אין אַלגעמיינען מיט זייער מינדליכע און שריפטליכע פּראָפּאַגאַנדע? ווער האָט דען געדרוקט דיא ערשטע זשאַרגאָנישע פאָלקס־צייטונגען — איך מיין עס אין דעם זינען, אַז דיא ארויסגעבער זיינען געוועזן קינדער פון פאָלק, פּראָסטע ארבייטער — ווען ניט דיא אידישע סאָציאַליסטען אין לאָנדאָן און אין ניו־יאָרק? ווער האָט אָרגאַניזירט אידישע יוניאָנס, ניט בלויז אום צו פערבעסערן דיא לאַגע פון דיא אידישע ארבייטער, זאָנדערן אויך צו געווינען דיא אכטונג און סימפּאַטיע פון זייערע קריסטליכע ברידער — אַלזאָ, אָפּשאַפען אָדער ווייניגסטענס אָפּשוואַכען און פערקלענערען אַנטיסעמיטיזמוס צווישען דיא קריסטליכע ארבייטער־מאַסען ניט מיט פיינע פראַזען, נור מיט פ ר א ק ט י ש ע ט ה ע ט י ג ק י י ט — ווען ניט אידישע סאָציאַליסטען? האָבען זיי דען דערמיט אַליין ניט אויפגעטהאָן פיר דעם אידישען פאָלק מעהר, ווי אַלע ציוניסטען מיט זייערע „טשאַרטערס" און „אוגאַנדאַס"?

יעדענפאַלס, ווען און וואו האָבען דיא אידישע סאָציאַליסטען געפּרעדיגט, אַז דיא אידישע נאַציאָן דאַרף אָפּשטאַרבען? האָבען זיי זיך דען ווען עס איז געווענדעט צו דיא אידישע ארבייטער מיט פאָדערונגען זיך אָפּצוטויפען און מאַכען א סוף פון זייער אנגעהעריגקייט צום אידישען פאָלק? האָבען זיי דען ווען עס איז נאָכגעפאָלגט דיא בורזשואזע אסימילאַנטען, וועלכע ווילען מען זאָל גאָר פערגעסען, אַז זיי זיינען אידען און האָבען איין ענטפער אויף אַלע אידישע צרות: „טויפט זיך און פערשווינדעט"? האָבען זיי דען ניט, פערקעהרט, געזוכט צו ע ר ה ו י ב ע ן דעם אידישען ארבייטער, צו ענטוויקלען זיין גייסט, צו געבען איהם מוטה, אַז ער זאָל זיך פיהלען אַלס ג ל י י כ ע ר צווישען דיא קריסטליכע ארבייטער?

און וואָרום האָבען זיי עס געטאָן? האָבען זיי דען געזוכט כבוד? האָבען זיי דען געקענט ערוואַרטען מאַטעריעלע בעלוינונג פאַר זייער שווערע ארבייט? מעהר ווייא דערנער און צרות האָבען זיי ניט געפונען אויף זייער וועג — דאָס ווייס יעדערער. זיי האָבען געאָפּפערט זייער צייט, אָפט זייערע קאַריערען — אַלץ פאַר דיא אינטערעסען פון א י ד י ש ע פּראָלעטאַריער, וועלכע זיי האָבען געוואָלט אויפקלערן און אויפמונטערן. אָנשטאָט צו וואַנדלען אין דער וועלט פון אייערע ציוניסטישע חלומות, פּראָבירט אַמאָל, ה' וואָרטסמאַן, בעזוכען א מיטינג פון אידישע ארבייטער, א אידישע יוניאָן אין לאָנדאָן, וועט איהר זעהען דיא ארבייט פון אידישע סאָציאַליסטען פ א ר א י ד ע ן.

אמת, מיר זיינען ניט נאַציאָנאַליסטען;

אָבער ניט דערפאר, ווייל מיר ווילען, אז דאָס אידישע פאָלק זאָל פערשווינדען; זאָנדערן ווייל מיר שטרעבען, אז אלע נאציאָנען זאָלען לעבען ברידערליך, אז דיא גאנצע מענשהייט זאָל בעפרייט ווערן פון קאפּיטאליסטישען יאָך. מיר בעשעפטיגען זיך ניט מיט נאציאָנאלע פערדרעהעניסען, ווייל מיר האָבען ניט דער ערך העכערע ציעלען; אָבער מיר זיינען ענטשיעדען געגען דעם, דאָס אירגענד וועלכע נאציאָנאלע גרופּע זאָל אונטערדריקט ווערן. מיר האָבען אונזער לייזונג פאר דיא אידישע פראגע אזוי גוט, וויא פאר אלע אנדערע נאציאָנאלע פראגען, און דאָס איז דער סאָציאליזמוס. אויב דער רעזולטאט דערפון וועט זיין דיא פערשווינדונג פון דער אידישער נאציאָן, וועט עס קומען אויף א נאטירליכען עוואָלוציאָנס־וועג, וואָס קיין מענשליכע קראפט וועט ניט קענען אָפּהאלטען. דער סאָציאליזמוס מוז קומען, ווייל דער קאפּיטאליזמוס פיהרט דערצו. דער יעניגער וואָס האָט שטודירט דיא סאָציאלע פראגע, זעהט קלאָר און דייטליך, וויא דיא סאָציאליסטישע אָרדנונג מוז פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דער קאפּיטאליסטישער. וויא פיעל דיא קאפּיטאליסטען און אלע רעאקציאָנערען זאָלען זיך ניט אָנשטרענגען אָבצוהאלטען דיזען נאטירליכען גאנג פון דער געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג, וועט עס אזוי ווירקען, וויא צו פערשטעלען א שטראָם מיט א שפּענדעל. און וויא פיעל דיא ציוניסטען זאָלען ניט שרייען וועגען נאציאָנאליזמוס, וועגען א „יודענשטאאט“, מיט א „טשארטער“ אָדער אָהן א „טשארטער“, וויא פיעל „אלט־נייאלאנד“ לופט־שלעסער זיי זאָלען ניט בויען, וועלען זיי אויף א האָאָר ניט ענדערן דיא אידישע צוקונפט, וויא באלד דיא סאָציאליסטישע צוקונפט וועט פיהרען צו דער פאָלשטענדיגער צוזאמענשמעלצונג פון אידען מיט דיא פעלקער, צווישען וועלכע זיי לעבען.

אזוי וויא ה' וואָרטסמאן רעכענט צו דיא סאָציאליסטען צו דיא אסימילאנטען, וועלכע ער רופט צוזאמען „גלות־אידען“ צו אונטערשיידען זיי פון דיא נאציאָנאלע אידען, צו וועלכע ער רעכענט זיך צו, און אזוי וויא ער ערקלערט נאכהער: „מיר בעטראכטען דיא גלות־אידען, דאָס הייסט דיא וואָס ווילען זיך גאָר ניט (?) בעפרייען פון גלות, אלס אונזערע גרעסטע פיינד“ — הייסט עס, אז ער איז אויך א פיינד פון סאָציאליסטען. דערויף קענען סאָציאליסטען ענטפערן: אויב ער איז אליין א בורזשוא, האָט ער רעכט צו ערקלערען דיא סאָציאליסטען פיר זיינע פיינד; אויב ניט, האָט ער איינפאך געזאָגט א נארישקייט.

נאָך אלע זיינע ערקלערונגען און כאַרטירונגען פון דיא פערשיעדענע פארטיי־מיינונגען אין אידישען פאָלק צוקלאפּט ער זיך אליין מיט פאָלגענדע ווערטער:

„מיר קענען זיך בשום אופן ניט פאָרשטעלען, וויא אזוי אַ פערשקלאַפּט־ערנידריגט פאָלק זאָל קענען ערהייבען אַ בעסערע צוקונפט. מיר גלויבען איבערהויפּט ניט, אַז אַזאַ מין פאָלק זאָל וועלען אָנשטרענגען אַלע זיינע כוחות בעפרייט צו ווערן. דיזער ערנסטער רצון מוז ערשט אין איהם ענטוויקעלט ווערן. (דיא אונטערגעשטריכענע ווערטער זיינען אין טעקסט).... מיט'ן וואָרט ערציהונג מיינען מיר ניט דאָ בלויז דיא שולע פאַר קינדער. מיר דאַרפען דאָס פאָלק קולטורעל, ווירטהשאַפטליך און אָרגאַניזאַטאָריש (?) ערציהען. דאָס אידישע פאָלק מוז אָנהויבען פריי צו דענקען, פריי צו פיהלען, מוז בעקומען אַ שטאַרקען, זעלבסטשטענדיגען נאַציאָנאַלען רצון, אַ רצון זיך צו בעפרייען, ווען אויך דיזע בעפרייאונג וועט פילערליי קרבנות פערלאַנגען“.

אלזאָ, הייסט עס, אז ניט נאָר דאַרף מען שאפען דיא קרעפטע דורכצופיהרען דעם ציוניסטישען אידעאל, זאָנדערן איינפאך א נאציאָנאלען רצון אין דעם אידישען פאָלק. דאָס איז אַן אונגעהייערע שווערע אויפגאבע. דאָס איז אויך אין ווידערשפּרוך מיט אלע טענות וועגען אידישען נאציאָנאליזמוס. עס איז לייכט צו זאָגען: „דאָס אידישע פאָלק מוז בעקומען א שטארקען, זעלבסטשטענדיגען נאציאָנאלען רצון“ — וויא וועט מען עס בעקומען? וויא אזוי קען מען איבערהויפּט שאפען א נאציאָנאלען געפיהל דאָרט וואו ער עקזיסטירט ניט? און ווייטער, צו וואָס זאָל מען איהם שאפען? צו וואָס נאָך א נאציאָנאלע גרופּע? האָט מען דען ווייניג צרות און רייסערייען דורך דיא נאציאָנאלע גרופּען, וועלכע האָבען זיך שוין היסטאָריש ענטוויקעלט?

אָרימע אידישע צוקונפט! וואָס קען זיא דען זיין, ווען מען מוז נאָך ערשט איינפלאנצען א נאציאָנאלען געפיהל אין דיא אידישע הערצער?

זעהט איהר, ה' וואָרטסמאן, אין דיזען פונקט בין איך און, איך רעכען, נאָך אנדערע אידישע סאָציאליסטען מעהר, זאָ צו זאָגען, נאַציאָנאליסטיש וויא איהר; דען אין אידישען

פאָלק עקזיסטירט דאָך עפּעס א נאציאָנאלער רצון, אָדער וויא מען זאָל דיזען „עפּעס“ ניט רופען (*). ווען יעדער נאציאָנאלער געפיהל וואָלט אין גאנצען אָפּגעשטאָרבען געווען צווישען אידען, וואָלט דיא ציוניסטישע בעוועגונג אפילו ניט געקענט אויפקומען, שוין ניט ריידענדיג פון קריעגען אנהענגער אין אזעלכע פרייע לענדער, וויא אמעריקא, פראנקרייך, ענגלאנד, שווייץ א. ז. וו. דער ציוניזמוס האָט קיין ממשות ניט און וועט בלייבען א פאנטאזיע, ניט ווייל דער נאציאָנאלער געפיהל פעהלט איבערהויפּט ביי אידען, אָדער וויניגסטענס ביי א געוויסען טהייל פון אידישען פאָלק, זאָנדערן ווייל עס איז אונמעגליך איהם דורכצופיהרען אין דער ווירקליכקייט. דיא פּראקטיישע שוויריגקייטען אפילו צו בעזעצען א גרויסע צאָהל אידען אין ארץ ישראל זיינען אזוי גרויס, אז עס איז א וואונדער, וויא עס געפינען זיך אידען, וואָס טרוימען וועגען דיא מעגליכקייט צו גרינדען דאָרטען א „יודענשטאאט“, ווען ניט נאָר דיא קריסטען, זאָנדערן אפילו דיא מאהאָמעדאנער האלטען דיזען קליינען ווינקעל פון דער ערד פאר זייער הייליג לאנד.

אין א'ן אנדער אָרט פון דעם זעלבען ארטיקעל רעדט דאָך ה' וואָרטסמאן פון דעם „אידישען גייסט“. וואָס ער און אנדערע ציוניסטען אָדער נאציאָנאליסטען פערשטעהען אונטער דיזע זעהר עלאכטישע ווערטער, ווערט ניט ערקלערט. דיא ציוניסטען האָבען איבערהויפּט ליעב צו פערשפּרייטען זיך איבער דיא גרויסע גליקען און וואונדערבארע מעלות פון דעם „אידישען גייסט“. זיי גלויבען נאָך, אז דיזער ספּעציעלער „גייסט“ קען נאָר פערגלאנצען דיא גאנצע וועלט, ווען ער וועט ארויסשטראהלען פון ארץ ישראל, און ניט אנדערס. דארום, פיהרען זיי אויס, מוז מען עס איהם איינפלאנצען אין ציון, אין פּאלעסטינע. אָבער אין וואָס דיזער „גייכט“ בעשטעהט, אין וואָס ער דריקט זיך אויס בעזאָנדערס, מיט וואָס ער אונטערשיידעט זיך פון אנדערע „גייסטער“ און וואָרום ער קען דערגרייכען זיין העכסטע שטופע דוקא אין ארץ ישראל — דאָס האלטען דיא ציוניסטען פאר איבעריג צו בעגרינדען און צו ערקלערען. עס וואָלט דארום גאָר ניט געשאדט, אז דיא „אידישע צוקונפט“ זאָל ניט אָפּקומען סתם מיט דונקעלע פראזען וועגען דעם פיעל־פערשריענעם „אידישען גייסט“ און טאקע געבען פילאָזאָפישע און קריטישע ארטיקלען וועגען דיזען ענין.

* * *

יעצט א פּאָאר ווערטער וועגען דעם אינהאלט פון דעם ערשטען נומער פון דער „אידישער צוקונפט“. אָפען גערעט, האָב איך ערווארטעט עפּעס בעסערעס, עפּעס גרינדליכערעס. דער נומער איז צוזאמענגעשטעלט אָהן א סיסטעם: דיא בעלעטריסטישע ארטיקלען זיינען צוזאמענגעמישט מיט דיא פּובליציסטישע און כלומרשט טהעאָרעטישע. וועגען דיא בעלעטריסטישע אבטהיילונג קען איך דאָ נאָר אין אלגעמיין בעמערקען, אז זיא איז שוואך. פון דיא דריי, זאָ צו זאָגען, טהעאָרעטישע ארטיקלען איז דער בעסטער „דיא אידישע קאָלאָניזאציע“, וועלכער איז אן איבערזעצונג אויס דעם דייטשען. דער ארטיקעל „דיא בעוועגער פון געזעלשאפטליכען לעבען“ דריקט אויס דיא מאטעריאליסטישע און סאָציאליסטישע לעהרע, אז דער פונדאמענט פון געזעלשאפטליכען לעבען זיינען דיא עקאָנאָמישע בעדינגונגען און פערהעלטניסע; אָבער דער שרייבער, ה' א. ש. זאקס, האָט זיך ליידער צו פיעל געאיילט צו זאָגען וואָס מעהר אויף עטליכע זייטלעך און האָט דארום צוזאמענגעפלאָנטערט פיעלע עפּאָכען און געמאכט א פלינקע רייזע איבער דער קולטור־געשיכטע, זאָ דאָס אלעס איז ניט קלאָר. דער ארטיקעל „חבת ציון מיט און אָהן בעווייזע“ פון ה' מתתיהו אחר ענטהאלט מאנכע ריכטיגע בעמערקונגען, ספּעציעל אז עס עקזיסטירט א חבת ציון סתם, אָהן אירגענד וועלכע לאָגישע בעגרינדונגען, נאָר אלס א זאך פון נעפיהל; אָבער וואָס דיזער שרייבער, וועלכער ווערט רעקאָמענדירט פון דעם רעדאקטאָר אלס „איינער פון דיא טיעפסטע דענקער פון אידישען פאָלק אין דער איצטיגער צייט“, דיינקט אליין, איז שווער צו שליסען.

(*) מיין מיינונג וועגען דיזע פראַגע האָב איך אויסגעדריקט אין מיין בראָשורע: „וואָס הייסט נאַציאָן — זיינען אידען אַ נאַציאָן?“, ארויסגעגעבען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לייבּרערי פּאָבלישינג קאָמפּ.

יעדענפאלס האָב איך קיין שום טיעפקייט אין דיזען ארטיקעל ניט געפונען.

צום שלום וויל איך זאָגען, אז איך בין פּאָר־לויפיג צופרידען מיט צוויי פּונקטען אין דער „אידישער צוקונפט“ : ערשטענס, מיט דער ער־גלערונג פון דעם רעדאקטאָר, אז זיין זשורנאל וועט זיין אונאבהענגיג און וועט ניט נאָכשפּרינ־גען קדוש נאָך יעדען וואָרט פון א פיהרער, און, צווייטענס, וואָס ער גיט פלאין שרייבערס, מיט וועלכע ער איז ניט איינפערשטאנדען.

פּ. קראַניץ.

# אַ טויטע האַרץ.

מיין האַרפּע האָט אַ מאָל געשפּיעלט
און האָט דיא וועלט פערקלונגען,
מיין גאַנצע זעעלע האָט געפיהלט,
מיין גאַנצע האַרץ געזונגען.

מיין בליק האָט אַלץ און אַלץ געזעהן,
מיין אויער — אַלץ פערנומען,
מיין ליעד איז מיט אַ ווילדען ברען
ביי מיר אַרויסגעקומען.

יעצט האָט דיא צייט מיך אָבגעקיהלט,
איך זינג, דיא האַרפּע מיינע שפּיעלט,
נאָר ניט דעם זעלבען נגון......
ניטאָ, עס פעהלט דער ערשטער ברען,
איך זוך, איך אַקער, און איך קען
איהם מעהר צוריק ניט קריעגען!

* * *

וואו ביסטו ערגעץ, יונגעס ליעד,
געזונגען מיט אַ פייער,
וואָס האָט געשטרעבט, וואָס האָט געגליהט
דיא וועלט צו מאַכען פרייער?

וואו איז דיא ברכה, וואו דער פלוך,
וואָס האָט מיין וואונש געשפּונען?
איך זוך מיין ערשטען „איך“ און זוך
און אוים, ער איז פעררונען!

פערלאָשען איז דער שטאַרקער פלאַם,
בעזיעגט פון ווילדען לעבענס־ים, —
ער איז דעם שיקזאַל׳ס קרבן.
יעצט קומט מיין טרויער קאַלט אַראָפּ,
פון האַרצען ניט, — ער קומט פון קאָפּ,
דאָס האַרץ איז מיר געשטאָרבען!

מר.

# נאָך א קריטיקער פון בונד.

## אַן ענטפער אויף גענ. מילך׳ס אַרטיקעל.

דיא פראגע וועגען „בונד“, וועגען זיין שטעלונג אין דער פארטיי, וועגען זיין נאציאָנאל־פּראָגראם איז אין פערלויף פון דיא לעצטע צוויי יאָהר ניט אראָב פון דיא בלעטער פון דער פארטיי־ליטעראטור. מען האָט דיא פראגע דיסקוטירט פון אלע שטאנדפּונקטען פון טהעאָרעטישע, וויא פון פּראקטישע. זעהר העפטיגע דעבאטען האָט אויך דיזע פראגע ארויסגערופען אויף דעם צווייטען קאָנגרעס פון דיא רוסלענדער סאָציאל־דעמאָקראטישע פארטיי. גענאָסע מילך איז נאָך אָבער מיט דעם אלעם ניט בעפריעדיגט, ער הויבט אויף דיא פראגע פון דאָס ניי, ער הויבט איהר אויף ניט שוין גלאט אזוי, נור איין מאָל פאר אלע מאָל איהר צו ענדיגען אויף אימער. גענאָסע מילך טהוט לייד „צו קריטיקירען דיזע גלענצענדע אָרגאניזאציאָן“, דיא וואהרהייט שטעהט אָבער העכער פון אלעם, און אויב עס איז דאָ א געשוויר, איז עס בעסער אויפצושניידען מיט א מעסער, איידער לאָזען דעם געשוויר פערגיפטען דעם גאנצען גוף.

„דיא גלענצענדע טהעטיגקט און גרויסארטיגע ערפאָלגען“ זאָגט גענאָסע מילך, „פון דעם „בונד“ מוזען אנערקענט און פּראָקלאמירט ווערען, אָבער דאָס דארף נאטירליך ניט אָבהאלטען א פריינד פון עהרליכע און ערנסטע קריטיק“.

און גענאָסע מילך וויל בעטראכטען דיזע פראגע פון א גאנץ נייעם שטאנדפּונקט, איז ווען ער וועט פערטיג ווערען, וועט דער לעזער איינזעהען, אז... פון וועלכער זייט איהר זאָלט ניט נעהמען דיזע פראגע, וועט איהר אליין זיך אָנשטויסען אויף ווידערשפּריכע; פון וועלכער זייט איהר זאָלט דאָס ניט בעטראכטען, וועט אהיר אליין זעהן וויא אונלאָגיש, וויא אונהאלטבאר, מען קען זאָגען, וויא אבסורד דער גאנצער פונקט איז.

לאָמיר נאָר פאָלגען אונזער מחבר טריט פיר טריט אין אלע זיינע ראיות, ארגומענטען, בעטייטשונגען און ביישפּיעלען.

* * *

ער הויבט אָן פון אָרגאניזאציאָנס־פראגען. „דער שטרייט, זאָגט ער, איז פאָרגעקומען, דאכט זיך, איבער א קלייניגקייט, איבער דיא פאָרמע פון אָרגאניזאציאָן; אויטאָנאָמיע אָדער פעדעראציאָן איז דיא פראגע“.

שוין פון אָנפאנג אָן הויבט זיך אָן זיין זינדיגען. אויטאָנאָמיע און פעדעראציע זיינען גאנץ אלגעמיינע אבסטראקטע בעגריפען. דיזע בעגריפען זיינען זעהר ברייט, און מען קען זיי טייטשען אויף אלערליי אופנים. עס איז אָפט גאנץ שווער צו אונטערשיידען, וואו עס ענדיגט זיך איין בעגריף און וואו עס הויבט זיך אָן דער אנדערער. אין פאָלקאָמענען זינן פון וואָרט האָט נאָך א ריינע פעדעראציע אָדער א ריינע אויטאָנאָמיע פיעללייכט קיין מאָל ניט עקזיסטירט און עקזיסטירט נאָך היינט אויך ניט. גלאט אזוי דעריבער בעהויפטען, אז אין דעם סכסוך צווישען דעם „בונד“ און דיא פארטהיי האָט זיך געהאנדעלט וועגען סתם אזא אויטאָנאָמיע אָדער פעדעראציאָן, הייסט נאָר פערפלאָנטערן דעם לעזער דיא קאָפּ. אין אמת׳ן האָט דער „בונד“ געפאָדערט ניט גלאט אזוי פעדעראציאָן, נור א געוויסע און בעשטימטע פאָרמע פון אָרגאניזאציאָן, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין א גאנצע רייהע פון פאראגראפען. גענאָסע מילך האָט, דוכט זיך, דעריבער פריהער פון אלעם געזאָלט אנאליזירען דיא איינצעלהייטען פון דיא סטאטוטען וועלכע דער פארטהיי־צוזאמענפאָהר פון דעם „בונד“ האָט אויסגעארבייט, דאן וואָלט ער זיך אליין דערוואוסט און וואָלט אויך דעם לעזער קענען געבען פערשטעהן, אז אויף דעם צווייטען קאָנגרעס פון דער פארטיי האָט מען דעם „בונד“ ניט געוואָלט געבען אפילו אזא אויטאָנאָמיע, וועלכע ער האָט שוין געהאט זייט 1898.

(זעה דעם פּראָטאָקאָל פון קאָנגרעס, זייטע 107).
ווארום־זשע האָט עס גענאָסע מילך ניט גע־טהאָן? פּיעללייכט ווייל דאָס איז דאָך נאָר א קליינינקייט.... גענאָסע מילך מעג זיך קוקען אויף אָרגאניזאציאָנס־זאכען, וויא אויף גאנץ קליינינקע אונווירדיגע זאכען, אויף וועלכע עס לוינט זיך גאָר ניט אָבצושטעלען. ער מעג דע־ריבער זוכען וויכטיגערע אורזאכען, וועלכע שטע־הען הינטער דיא אָרגאניזאציאָנס־פראגען. דיא רוסלענדער סאָציאל־דעמאָקראטישע פּארטהיי פון וועלכע דער „בונד“ האָט געפאָדערט דיא געוויסע אָרגאניזאציאָנס־פּונקטען, דיזע פּארטיי קוקט אבער יא ערנסט אויף אָרגאניזאציאָנס־פראגען, און צוליעב אונוויכטיגערע „קליינינ־קייטען“, וויא אויטאָנאָמיע און פעדעראציע, האָט זיך דיא פּארטיי יעצט צושפּאָלטען.

ארויסשטעלענדיג דעם הויפּט־שטרייטפּונקט אין אָרגאניזאציאָנס־פראגען, גיט דאן גענאָסע מילך איבער דעם שטאנדפּונקט פון יעדען שטרייטענדען צד. דיא פּאָרשטעהער פון דער פּארטהיי, זאָגט ער, ווילען, אז אלע סאָציאל־דעמאָקראטען פון רוסלאנד זאָלען זיין אָרגאני־זירט אין איין אלגעמיינע פּארטהיי, נאָר צוליעב פּראָפּאגאנדא זאָל דיא פּארטהיי זיין איינגע־טיילט אין ראיאָנען (דיסטריקטען). יעדער ראיאָן זאָל האָבען אויטאָנאָמיע, און אלע דיסטריקטען זאָלען זיין פערבונדען און זאָלען זיין רעגיערט פון איין צענטראלען קאָמיטעט.

אין געגענזאץ דערצו פערלאנגט דער „בונד“ אז דיא פּארטהיי זאָל זיין אָרגאניזירט נאָך נ א צ י אָ נ א ל י ט ע ט ע ן, ד. ה., אין רוס־לאנד זאָלען זיין אזוי פיעל סאָציאליסטישע פּארטייען וויא פיעל פערשידענע נאציאָנאלי־טעטען עס לעבען אין רוסלאנד, און יעדע נא־ציאָנאלע אָרגאניזאציאָן זאָל בלייבען פּאָלשטענ־דיג פריי און ניט זיין בעשרענקט פון א געוויסען ראיאָן; נאָר דיא פערשידענע נאציאָנאלע אָר־גאניזאציאָנען זאָלען זיין צווישען זיך פערבונדען דורך א **פעדעראציע.**

גענאָסע מילך האָט א ניט קיין גאנץ שעהנע געוואוינהייט. ווען ער ברענגט דיא מיינונג פון איין צד ברענגט ער ניט קיין ווערטערליכע ציטאטע פון דיא ליטעראטור פון דיזען צד, נור גיט איבער מיט זיינע אייגענע ווערטער. אמת, עס קומט ארויס אביסעל קירצער, דערפאר אָבער אויך „ניט אין גאנצען“ פּינקטליך. ערשטענס, האָט מען אויף'ן קאָנגרעס פון דיא פּארטיי גאָר ניט ארייננעבראכט אזא רעזאָלוציאָן, וועלכע זאָל ניט ערלויבען, אז מען זאָל נאציאָנאלע אָרגאני־זאציעס מעגען אויפנעהמען אלס אזעלכע אין דער פּארטהיי. דיא פראגע איז פּרינציפּיעל אפילו גאָר ניט פערהאנדעלט געוואָרען. פון אנ־דערן זייט האָט דיא „איסקרא“ אויך קיין מאָל דיא זאך ניט פאָרגעשטעלט, אזוי וויא מילך טהוט עס. אדרבה, אין 7טען נומער שרייבט דיא „איסקרא“, אז ווען עס וועט אמאָל פאָרקומען דיא פראגע אריינצונעהמען אין דער פּארטיי גייע נאציאָנאלע אָרגאניזאציעס, דאן וועט דיא פּארטהיי אפשר אָננעהמען א פעדעראטיווען כא־ראקטער. דיא „איסקרא“ האָט אלזאָ דאן גע־גלויבט, אז עס איז מעגליך אריינצונעהמען גאנ־צע נאציאָנאלע אָרגאניזאציעס אין דער פּארטיי. אויף'ן צווייטען קאָנגרעס ווידער איז אויך פאָרגעקומען דיא פראגע, צו מען זאָל אין דער פּארטיי אריינגעהמען דיא פּ. ס. ד., ד. ה., דיא פּארטיי וואָס טראָגט דעם נאָמען „דיא סאָציאל־דעמאָקראטישע פּארטיי פון פּוילען און ליטע“. דיזע פּארטהיי האָט פאָרגעשלאָגען אריינצוגעהן אין דער רוסלענדער פּארטהיי אויף בעשטימטע אָרגאניזאציאָנס־בעדינגונגען, וועלכע זיינען אגב זעהר עהנליך צו דיא בעדינגונגען, וואָס דער „בונד“ האָט ארויסגעשטעלט. דיא פּוילישע פּאר־טיי איז אין דיא רוסלענדער פּארטיי ניט אריינ־געטרעטען, אָבער צוליעב אזעלכע אורזאכען, וועלכע האָבען אבסאָלוט גאָר ניט צו טאָן מיט דער פראגע וועגען דיא אויפנאהמע פון נאציאָ־נאלע אָרגאניזאציעס אין דער פּארטיי. אדרבה דער קאָמיטע וואָס איז וועגען דיזע אנגעלעגענ־הייט ערוועהלט געוואָרען, האָט אנערקענט, אז דיא בעדינגונגען, וועלכע דיא פּ. ס. ד. האָט גע־שטעלט, קען מען פּאָלקאָמען אָננעהמען (זעה דעם אנטוואָרט פון דיא דעלעגאטען פון „בונד“ אנמערקונג אויף זייטע 53).

ניט וויינינגער פאלש גיט אויך גענאָסע מילך איבער דיא מיינונגען פון „בונד“. קיין מאָל האָט דער „בונד“ ניט געפאָדערט אז „יעדע נאציאָנאלע אָרגאניזאציאָן זאָל זיין פ א ל ל־ש ט ע נ ד י ג פריי“. אויב מען זאָל אורטהיי־לען נאָך דיא סטאטוטען, וואָס דער „בונד“ אליין האָט אויסגעארבייט פיר זיך, בעשרענקט ער זיין אייגענע פרייהייט א היבשע ביסעל. (זעה דיא רעזאָלוציאָן פון פינפטען צוזאמענפאָהר). דאן דערצעהלט מילך, אז דיא „איסקרא“ וויל איין צענטראל־קאָמיטעט און אין געגענזאץ דערצו שטעלט ער ארויס דיא מיינונג פון „בונד“ צו גונסטען פון א פעדעראציאָן. עס קומט אלזאָ אויס,

אז דער „בונד“ לייקענט אָב דיא נויטווענדיגקייט פון איין איינציגען צענטראל־קאָמיטעט. דאָס איז אָבער ניט ווייניגער פאלש. דער פינפטער צוזאמענפאָהר לייקענט עס פאָלקאָמען אָב.

אדרבה, דער „בונד“ איז אימער געווען פיר א צענטראליזירטע פּארטיי, הגם ער איז געווען געגען אזא צענטראליזם, וועלכען פּלעהאנאָוו רופט יעצט אָן „באָנאָפּארטיזם“, ווען ער כא־ראקטעריזירט דיא ארט און וויזע, וויא דיא פּארטיי איז אָרגאניזירט יעצט.

איהר זעהט אלזאָ, גענאָסע מילך, וויא ניט גוט עס איז ווען מען נעהמט זיך שרייבען פון „ריינע פערנונפט“ און מען וויים ניט דעם ריכ־טיגען צושטאנד. און איהר האָט דאָך דאָס אלעס געקענט אויסמיידען, ווען איהר וואָלט זיך אבי־סעל ערנסטער גענומען צו דער זאך.

איבערגעהענדיג ווייטער צו דער פראגע פאר וואָס דער „בונד“ איז געגען דעם, אז דיא פּארטיי זאָל איינגעטהיילט זיין אין געוויסע דיסטריקטען בעמערקט געג. מילך, אז אזוי וויא דיא אידען זיינען צוואָרפען איבער גאנץ רוסלאנד, קען דער „בונד“ קיין גיוועסען ראיאָן ניט האָבען, אָבער אונטער א פעדעראציע, שליסט ער, „ווערט דער „בונד“ אנערקענט אלס דער איינציגער פערטרעטער פון אידישען פּראָלעטאריאט, דאן האָט ער א גרויסען פעלד פיר זיך, דאן איז ליטא, פּוילען און רוסלאנד, מיט איין וואָרט, יעדע אָרטשאפט וואו אידען געפינען זיך — זיין ראיאָן“. נור אונטער א פעדעראציע, הייסט עס, וואָלט דער „בונד“ זיך געקענט רע־כענען פיר דעם פערטרעטער פון אידישען פּראָ־לעטאריאט אין גאנץ רוסלאנד. איז דאָס אבער אזוי אין דער ווירקליכקייט ? קען דער „בונד“ אָהן א פערעדאציע ניט קריגען דיזעלבע רעכטע ? און וואָס איז געווען מיט׳ן „בונד“ ביז יעצט ? אין 1898 איז דער „בונד“ אריין אין דער פּארטיי אלס א׳ן אויטאָנאָמער טהייל, וועלכער איז זעלבסטשטענדיג אין אלע אנגעלעגנהייטען וואָס אנבעלאנגט ספּעציעל דעם אידישען פּראָלע־טאריאט. דאָס הייסט, אלזאָ, אז אָהן א פעדע־ראציע האָט דער „בונד“ שוין אויך זייט 1898 פערטראָטען דעם גאנצען אידישען פּראָלעטא־ריאט פון רוסלאנד, און ניט פון א געוויסען ראיאָן. איהר זעהט אלזאָ, אז דיזעלבע רעכטע קען מען האָבען אונטער אויטאָנאָמיע וויא אונ־טער פעדעראציע ? און איהר האָט מיט דיזען ארגומענט געוואָלט אויב ניט פערטהיידיגען דעם „בונד“, וועניגסטענס ערקלערען וויא לאָגיש ער איז אין זיינע פאָדערונגען.

ווען דער „בונד“ האָט געפאָדערט א געוויס־סע פאָרמע פון פעדעראציאָן, האָט ער עס גע־טהאָן, אום זעלבסטשטענדיג און בעסער צו קע־נען לייזען דיא אלע פראגען פון פראקטיק, פּראָ־פּאגאנדא און אגיטאציאָן, וועלכע זיינען נוגע דיא אידישע ארבייטער־מאססען. אָהן דיזע שטיקעל פרייהייט קען אזא גרויסע אָרגאניזא־ציאָן וויא דער „בונד“ ניט עקזיסטירען. א ברייטע סאָציאל־דעמאָקראטישע מאסען־בעווע־גונג קען ניט געלינגען, ווען מען מישט זיך אין איהר צופיעל אריין און ווען מען רינגעלט איהר ארום מיט אלערליי שמאָלע און ענגע רולס און בעשרענקונגען. מיט א ביוראָקראטישען צענ־טראליזמוס לאָזט זיך דער קלאסענקאמפּף פון אידישען פּראָלעטאריאט מיט אלע זיינע שווערע אויפגאבען ניט פיהרען.

אָבער גענאָסע מילך פערשטעהט ניט וויא שלעכט עס איז, ווען דיא אָרגאניזאציאָן־פאָרמען שטימען ניט איין מיט׳ן לעבען. ער קוקט איבער־הויפּט זעהר לייכט אויף אלערליי אָרגאניזא־ציאָנס־פראגען. פיר איהם זיינען זיי אן און פיר זיך זעהר אונוויכטיג און ער זוכט דיא וואורצלען, ער זוכט דיא אורזאכען צוליעב וואָס דארף עפּעס דער „בונד“ ניט אנדערש האָבען א פעדעראציע. אום דיזע פראגע צו ענטפערן לאָזט ער זיך אוועק טיעף, טיעף אין היסטאָריע. ער זאָגט אז דיא געשיכטע וויים פון נאך א „מערקווירדיגען“ פאל, ווען דיא פראגע וועגען פעדעראציע האָט ארויסגעבראכט גרויסע שטרייטיגקייטען. אין דער צייט פון דעם אמערי־קאנער בירגער־קריעג האָט דיא סאוטה געפאָ־דערט פעדעראציע, וועהרענד דיא נאָרטה האָט יעדען שטאאט געוואָלט געבען נור אויטאָנאָמיע. און דאן בעמערקט גענאָסע מילך טיעפזיניג : „אבער מען דארף ניט זיין פיעל בעקאנט מיט דער געשיכטע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, אום צו וויסען אז אונטער דעם שטרייט וועגען א בעשטימטער רעגיערונגס־פאָרמע איז געלעגען דיא וויכטיגע ע ק אָ נ אָ מ י ש ע פראגע וועגען דיא בעפרייאונג פון דיא שווארצע שקלאפען“.

דער לעזער איז איבערראשט פון דעם שריי־בער׳ס געלערנטקייט און ער ווארט אויף א טיעפע אונטערזוכונג פון דעם לעבען פון דיא אידען אין רוסלאנד. ער ווארט וויא דער שריי־בער וועט פון דיזע אונטערזוכונג אויך אין אונ־

זער פאל בעוויזען וועלכע עקאָנאָמישע אומ־
שטענדען עס האָבען געבראכט דערצו, אז דער
„בונד" זאָל ניט אנדערש פאָדערן א פעדערא־
ציע. איהם ווערט, וויא עס ווייזט אויס,
אביסעל ניט בעקוועם פון אזא ערוואַרטונג און
ער פערכאַפּט זיך באלד: „איך מיין ניט, זאָגט
ער, „צו פערגלייכען דעם „בונד" מיט דיא
סאוטה", אבער אויך אין דיזען פאל האנדעלט
זיך אין אמת'ן „וועגען א פיעל וויכטיגערן פאקט
וויא וועגען דיא אָרגאניזאציאָנס־פאָרמע פון א
רעוואָלוציאָנערען צענטראל־קאָמיטע אין רוס־
לאנד".

אויב אבער אזוי, טאָ צוליעב וואָס האָט מען
בעדארפט פערדרעהען א קאָפּ מיט עקאָנאָמיע?
צוליעב וואָס דער גאנצער משל פון דער געשיכ־
טע? צו דען איז עס נור דערצו אום אין געגענ־
זאץ צו איינינע אנדערע זיך ארויסצושטעלען
פיר א'ן אמת'ן אָרטאָדאָקסישען סאָציאל־דעמאָ־
קראט, מארקסיסט און עקאָנאָמישען מאטעריא־
ליסט?

אויב אבער ניט דער עקאָנאָמישער פאקטאָר,
טי פון וואָס פיר א גרונד איז ביים „בונד"
פאָרט ארויסגעוואקסען דיא פאָדערונג פון פע־
דעראציע? גענאָסע מילך געהט צו צו דיזע
פראגע מיט א'ן אנדערע פראגע: אייגענטליך,
וואָס געהט דאָס דעם „בונד" אזוי אין לעבען,
וויא אזוי דיא פארטיי איז אָרגאניזירט?

אבער, גענאָסע מילך, ווארום שטעלט איהר
ניט דיזעלבע פראגע דער פארטיי? דער „בונד"
איז דאָך דאן געווען אין דער פארטיי, פאר וואָס־
זשע זאָל דיזע לעבענס־וויכטיגע פראגע איהם
אינטערעסירען וועניגער וויא דיא פארטיי?
פאר וואָס־זשע, ווידערהאָלען מיר נאָך אמאָל,
האָט זיך צוליעב אָרגאניזאציאָנס־פראגען יעצט
דיא פארטיי אליין צוטהיילט? וואָס פאר פונ־
דאמענטען וועט איהר געפינען פיר דיזען אי־
בערבוי: עקאָנאָמישע, מאָראלע, נאציאָנאלע
אָדער אירגענד וועלכע נייע?

גענאָסע מילך וואונדערט זיך ווייטער:
„וועט דער „בונד" דען ניט קענען אגיטירען, ווען
דיא פאָלאקען אָדער דיא ליטויער וועלען טענה'ן,
אז דער ראיאָן בעלאנגט צו זיי" און דאן: „עס
איז איינפאך אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען, אז
דיא רוסישע רעוואָלוציאָנערע פארטיי וויל זיך
בעגעהן אָהן דעם „בונד'ס" הילפע".

וואָס איז עס נאאיוויטעט אָדער אונפעהיג־
קייט צו דענקען, גענאָסע מילך? איין זייט פרי־
הער האָט איהר דאָך שוין אליין פערשטאנען, אז
אויב די פארטיי וואָלט אלס איהר אָרגאַני־
זאציאָנס־פּלאן אָנגענומען דיא צוטהיי־
לונג אין ראיאָנען, דאן וואָלט דער „בונד" אלס
אזעלכער מעהר אין דער פארטיי קיין פּלאץ
ניט געהאט, אזוי וויא עס וואָלט אויך דאן קיין
פּלאץ ניט געווען פאר דיא פּוילישע, דיא ליט־
ווישע, לאָטישע און אנדערע נאציאָנאלע פאר־
טייען? נאָך דעם פּלאן פון ראיאָנען מוזען
אויפגעלעזט ווערען אלע עקזיסטירענדע נאציאָ־
נאלע אָרגאניזאציעס. דאן ווערען אלע דיזע אָר־
גאניזאציעס צושטויבט אויף זייערע בעשטאנד־
טהיילע, איינצעלנע ארבייטער. דיא איינצעל־
נע גענאָסען פון די פערשידענע נאציאָנען ווע־
רען צונויפגעמישט אין איין טייג און ווערען אלע
רעגיערט פון איין רוסלענדער צענטראל־קאָמי־
טעט. וועגען וואָס פיר א „בונד" רעדט אלזאָ
דאן מילך, אָהן וואָס פיר א בונד וועט מען דאן
ניט קענען אויסקומען און ווער וועט עס ניט
קענען אויסקומען? צו וואָסערע פּאָליאקען, לי־
טויער וועט דער ראיאָן געהערען? פערשטעהט־
זשע, גענ. מילך, איין מאָל פאר אלע מאָל, אז
ראיאָן איז דאָסזעלבע וואָס אין אמעריקא דיס־
טריקט. צו וועמען־זשע בעלאנגט דאָ דער אָדער
יענער דיסטריקט? מיט וואָס פיר א'ן אָרגאניזא־
ציאָנען בענוצט זיך דאָ דיא פארטיי אין דער
פרייער אמעריקא? אָדער פיעללייכט האָט גענ.
מילך אין זינען דיא קליינע סאָציאל־דעמאָקרא־
טישע אָרגאניזאציעס, וועלכע עקזיסטירען דאָ
און גיבען זיך אויך אָב מיט זייטיגע צוועקען.
זיי עקזיסטירען דאָך אָבער זעלבסטשטענדיג,
אונאבהענגיג פון דער פארטיי. זאָל שוין דער
לעזער אליין אורטהיילען, וויא טיעף גענ. מילך
פערשטעהט דיא אָרגאניזאציאָנס־פראגען אין
דיא רוסלענדער סאָציאל־דעמאָקראטישע פאר־
טיי.

צוקלאַפּענדיג אזוי גלענצענד... זיך אליין,
קומט גענאָסע מילך ענדליך צו דיא הויפּט בע־
וועגונגס־ספּרונזשינע פון דעם „בונד'ס" פעדע־
ראליזמוס.

„דיא אמת'ע פראגע איז ניט", זאָגט ער,
„וויא זאָל דיא רעוואָלוציאָנערע פּ א ר ט י י
זיין אָרגאניזירט, נור וויא זאָל גאנץ רוסלאנד
זיין אָרגאניזירט, וויא דער בונד זאָל ניט שרייען
אז ניט דאָס מיינט ער יעצט."

גענאָסע מילך ווייס אלזאָ בעסער, און זייענ־
דיג איבערצייגט, אז ער איז גערעכט, בעשטייט
ער אויף זיין מיינונג. מיר מוזען אלזאָ נאָכגע־
בען און אויסהערען וויא ער ערקלערט, אין

זיינע אייגענע ווערטער וואָס דער „בונד“ מיינט וועגען דעם.

דער לעזער כאַפּט זיך, אַז דיא געהיימע ספּרונזשינע פון דעם „בונד'ס“ פעדעראַליזמוס איז זיין נאַציאָנאַל פּראָגראַם. אין וואָס־זשע בעשטייט דיזע פּראָגראַם? ערשטענס, „דער בונד געהט אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט, דאָס אידען זיינען אַ זעלבסטשטענדיגע נאַציאָן“.

גענאָסע מילך צייכענט אונטער דעם וואָרט „זעלבסטשטענדיג“ און ביי דעם לעזער ווייזט זיך אַ שמייכעל פון פעראַכטונג צו אַזעלכע טאַקטיקע פון „בונד“. אַ שעהנע זעלבסטשטענדיגע נאַציאָן, וועלכע געפינט זיך זייט איבער 2400 יאָהר אונטער דעם דרוק פון אַלערליי אויסנאַהמס געזעצע, אין אַ צושטאַנד פון שקלאַפעריי. דער לעזער וועט דעריבער אויף זיכער לייכט איינשטימען מיט דיא לעצטע ווערטער פון גענ. מילך'ס אַרטיקעל, „וויא אַבסורד דער גאַנצער שטאַנדפּונקט איז“. מיין נאַאיוועהר לעזער, דאָס איז אָבער נור אַ פּרוכט פון גענאָסע מילך'ס פאַנטאַזיע, און דאָס ערקלערט זיך וויעדער נור דאַמיט, וואָס ער האָט אַזאַ האַס צו ציטאַטען. אין דער בונדיישער ליטעראַטור וועט איהר ניט געפינען אַזאַ בעשטימונג וועגען דיא אידישע נאַציאָן. אויף'ן פיערטען צוזאַמענפאָהר פון „בונד“ זאָגט זיך: „דער צוזאַמענפאָהר אַנערקענט, אַז דעם בעגריף נאַציאָן קען מען אויך אָנווענדען צו אידען“. עס בלייבט אונז נאָר אַלזאָ איבער אַלערהעכסטענס צו בעטען גענ. מילך אונז אָנצו־ווייזען דיא קוועלע פון וואַנען ער האָט גענומען זיין וואָרט „זעלבסטשטענדיג“. גענאָסע מילך האָט אָבער ניט נור אויסגעקלערט אַ נייעם בעגריף, ער האָט דערצו נאָך ניט פערשטאַנען דיא רעזאָלוציאָן פון צוזאַמענפאָהר. ניין, גענאָסע מילך, דיא שולד שטאַמט ניט דערפון, וואָס דיא אידען זיינען אַ נאַציאָן און ניט דערפון ציהט דער „בונד“ זיינע פאָדערונגען. פונקט פערקעהרט. דיא רעזאָלוציאָן פון „בונד“ זאָגט פאָלגענדעס: „נאָך דעם גייסט און דעם זין פון דיא סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּראָגראַם קען מען נור ניט צולאָזען, אַז איין קלאַס זאָל דריקען דעם אַנדערען, ניט נור אַז דיא רעגיערונג זאָל דריקען דיא בירגער, נור מען קען אויך ניט צולאָזען, אַז איין נאַציאָן זאָל הערשען איבער דיא צווייטע, איין שפּראַך איבער אַן אַנדערע“.

דער ערשטער פּונקט פון וואַנעט דיא פּראָגראַם געהט אַרויס, איז אַלזאָ ניט, אַז אידען זיינען אַ נאַציאָן, נור, אַז דיא סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּראָגראַם קען ניט צולאָזען אירגענד וועלכע אונטערדריקונג, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, וויא אויך נאַציאָנאַלע. דיא אַנערקענונג, אַז אידען זיינען אַ נאַציאָן, איז ניט מעהר וויא אַ זייטיגער פאַקט, וועלכער, ווען ער ווערט צונויפגעשטעלט מיט דעם אויסגאַנגספּונקט פון דיא סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּראָגראַם, מוז אונז פיהרען צו אַ געוויסען שלוס, נעמליך צו דיא נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד“.

גענאָסע מילך זאָגט ווייטער:

„אַלע סאָציאַליסטען זיינען איינשטימיג, אַז יעדע נאַציאָן האָט דאָס רעכט צו פערוואַלטען איהרע אייגענע געשעפטען; אידען זיינען אַ נאַציאָן“... א. ז. וו. גענאָסע מילך האָט דאָ זיכער אין זינען דעמיעניגען פּרינציפּ פון דיא סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּראָגראַם, וועלכער בעהויפּטעט, אַז יעדע נאַציאָן האָט דאָס זעלבסטבעשטימונגס־רעכט. וויא ווייט דיזער פּרינציפּ ווערט אויסגעדריקט אַבסטראַקט, סתם אין דער וועלט אַריין, זיינען טאַקע אַלע סאָציאַליסטען איינפערשטאַנען. דענקט אָבער גענ. מילך, אַז דיא סאָציאַליסטען בעגנוגען זיך נור מיט דיזען אַבסטראַקטען פּרינציפּ און אינטערעסירען זיך ניט מיט דיא פּראַקטישע מיטלען, וויא דיזען פּרינציפּ דורכצופיהרען? אַלע זיינען איינפערשטאַנען מיט דעם פּרינציפּ פון פריי'הייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, אָבער ניט איך דאַרף דערמאָנען דעם אָרטאָדאָקסישען מאַרקסיסט מילך, וויא פערשידען פיהרען דורך אין לעבען דיזע פּרינציפּען אפילו דיא בורזשואַזנע פּאַרטייען אַליין, שוין ניט ריידענדיג דערפון, וויא אונגעהייער פערשידען דיזע פּרינציפּען ווערען דורכגעפיהרט אין ווירקליכען לעבען, אויסגעטייטשט פון דיא בורזשואַזנע פּאַרטייען פון איין זייט און פון דיא סאָציאַליסטען פון אַנדערן. וויא־זשע קומט עס, וואָס גענאָסע מילך, וועלכער איז אַזוי „פּאַרטיקולאַר“ אַלס סאָציאַליסט, איבער דיא אַבסטראַקטע פּרינציפּען פון „מענשען־רעכטע“, זאָגט קיין איין וואָרט ניט וועגען דעם, וויא דער „בונד“ פערשטעהט אין ווירקליכען לעבען דיזע בעשטימונגס־רעכט פון דיא אידען. גענאָסע מילך איז דאָך זיכער ניט אונבעקאַנט, אַז דיזע נאַציאָנאַלע פראַגע ווערט גאַנץ פערשידען געלייזט פון פערשידענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אין עסטרייך האָט, צום ביישפּיעל, אַנדערס דיזע פּראָ־

גע געלייזט דיא זיד־סלאווישע פארטיי, אנ־דערס דער צענטראל־קאָמיטעט פון דיא פער־איינינגטע פארטיי אין עסטרייך, אנדערס דיא קאָמיסיאָן פון פארטיי־טאָג, און דער פארטיי־טאָג אליין אנדערס, ענדליך אויך דיא פוילישע סאָציאליסטישע פארטיי א. ז. וו.

איז עס ניט מערקווירדיג וואָס, נעהמענדיג זיך שרייבען וועגען „דיא נאציאָנאל פראָגראם פון „בונד“, האָט גענאָסע מילך מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט, וויא דער „ב ו נ ד“ לייזט דיזע פראגע. גענאָסע מילך דענקט, ווייזט אויס, אנדערס וועגען דעם. ער זאָגט איינפאך: דאָס איז וואָס מען רופט דיא נא־ציאָנאלע פראָגראם פון „בונד“, און פערטיג. און מיט פערוואונדערונג פרעגען מיר צוזאמען מיט'ן לעזער: וואָס אלזאָ איז דיא נאציאָנאלע פראָגראם פון „בונד“? אפשר דאָס, וואָס דער „בונד“ אנערקענט דיא אידען אלס א נאציאָן? מיט דעם אָבער איז גענאָסע מילך אליין איינ־פערשטאנען. אָדער פיליכט וואָס „דאָס רעכט פון יעדע נאציאָן זיך אליין צו בעשטימען“ טראָגט דער „בונד“ אויך אריבער אויף דיא אי־דען? דאן פרעגט זיך, מיט וואָס איז דאָס דער „בונד“ אזוי אָריגינעל, וואָס איז דאָ אזוי ספע־ציעל בונדיש? מיט וואָס־זשע האָט דאָ דער „בונד“, נאָך גענ. מילך'ס מיינונג, צו זיין אזוי „שטאָלץ אויף דיזע פראָגראם“? אָדער בע־שטעהט פיליכט דיא ספעציעל בונדישע נא־ציאָנאל פראָגראם אין דעם וואָס דער „בונד“ פאָרדערט א זעלבסטשטענדיגע אָרגאניזאציאָן פון אידישען פראָלעטאריאט? אָבער דאָס איז ניט נור אנערקענט געוואָרען, נור אויך דורכגע־פיהרט געוואָרען מיט דער הסכמה פון דיא רוס־לענדער סאָציאל־דעמאָקראטישע פארטיי זייט 1898, ווען דער „בונד“ איז נאָך געוועזן אונשול־דיג וויא א קינד און ווען קיינעם איז נאָך אין זינען ניט איינגעפאלען איהם צו בעשולדיגען אין נאציאָנאליזמוס, און ווען דיא „איסקרא“ אליין האָט אָפען צוגעגעבען איהר קרובה'שאפט מיט איהם. אין וואָס־אלזאָ בעשטעהט פאָרט, גענ. מילך, דיא ספעציעל בונדישע נאציאָנאל פראָגראם?

(שלום פאָלגט.)

אַראָנסאָן.

---

# א טרויערליעד אויף דעם טוידט פו א משוגע'נעם הונד.

(פון אָליווער גאָלדסמיטה, איבערזעצט פון ה. רויזענבלאט).

הערט, גוטע לייט, נאָר אויס מיין ליעד,
מיין איינפאַכען געזאַנג,
און אויב דאָס ליעד שיינט צו קורץ,
געווערט עס דאָך ניט לאַנג.

געוועזען איז ביי אונז א מאַן —
דער גרעסטער מאַן אין לאַנד —
וואָס האָט געשטאַמט פון גרויסע לייט,
פון העכסטען ראַנג און שטאַנד.

אַ גוטע הארץ האָט ער פערמאָגט,
און פריי צו יעדער צייט
צו שטיצען יעדען, פריינד און פיינד,
און אלע אַרמע לייט.

געלעבט האָט אויך צו יענער צייט
אַ הונד אין זעלבען אָרט,
אַ הונד וויא צוציק, זשאַק און פעסס
און הינד פון פראָסטען זאָרט.

און פריינד זיינען געווען אַ צייט
דער גביר און הונד נאָך דאַן —
נאָר פלוצלונג ווערט משוגע גאָר
דער הונד און בייסט דעם מאַן.

און ווער עס הערט, דער שילט און שווערט
און רייסט דיא האָר פון קאָפ —
משוגע איז דער הונד וואָס בייסט
אַזאַ מין פילאַנטראָפ.

און ווער עס זעהט דיא טיפע וואונד,
דער נעהמט ערשט שווערען דאַן,
דאָס נור משוגע איז דער הונד —
און שטאַרבען מוז דער מאַן.

* * *

נאָר הערט אַ וואונדער איז געשעהן —
ערהאָלט האָט זיך פון וואונד
דער גוטער מאַן, דער פילאַנטראָפ;
געשטאָרבען איז דער הונד...

# אידען אין רוסלאנד

זייער געשיכטע פון דיא עלטעסטע צייטען ביז היינטיגען טאָג

פון אלכסנדר הארקאווי.

זעקסטעס קאפיטעל.

## אידען אין פוילען אין דער פעריאָדע פון דיא וואהל־קעניגע (*)

דיא דריי פעריאָדען פון דער פוילישער געשיכטע.— סטעפאן באטאָרי׳ס בעהאנדלונג פון אידען. — זיגמונד דער דריטער און דיא יעזואיטען. — וולאדיסלאוו דער פערטער און זיין בעפעהל וועגען אידען. — יאָהאן קאזימיר׳ס צייט. — דער אויפשטאנד פון דיא קאזאקען געגען פאָלאקען און אידען (גזרות ת״ח). — יאָהאן סאביעסקי („מלך סאבעצקי"). — פריעדריך אויגוסט פון זאקסען. — פערוויסטונגען אין פוילען דורך קארל דעם צוועלפטען פון שוועדען. — סטאניסלאוו אויגוסט פאניאטאָווסקי. — זשעלעזניאק און גאנטא (גזרות גאנטא). — צוטהיילונג פון פוילען.

פוילישע געשיכטע ווערט לויט דיא קעניגע פון פוילען איינגעטהיילט אין דריי פעריאָדען: דיא פעריאָדע פון די פיאסטען — פון 860 ביז 1386, די פעריאָדע פון די יאגעללאָנען—פון 1386 ביז 1574 און דיא פעריאָדע פון דיא וואהל־קעניגע — פון 1574 ביז 1795. מיט דעם אונטערגאנג פון דיא יאגעללאָנען איז דער פוילישער טהראָן מעהר ניט איבערגעגאנגען בירושה און קעניגע זיינען געוואָרען געוועהלט. דיא קעניגע פון דיזער דריטער פעריאָדע ווערען בעצייכענט אלס וואהל־קעניגע.

דיא פוילישע קעניגע פון דער דריטער פעריאָדע זיינען געווען: הענרי דע וואלוא פון פראנקרייך, סטעפאן באטאָרי, זיגמונד דער דריטער, וולאדיסלאוו דער פערטער, יאָהאן קאזימיר, מיכאל וויישניעוויצקי, יאָהאן סאָביעסקי („מלך סאָביעצקי"), אויגוסט דער צווייטער, אויגוסט פון זאקסען און סטאניסלאוו אויגוסט פאניאטאָווסקי.

סטעפאן באטאָרי, וועלכער איז געוועהלט געוואָרען אין 1574, האָט דיא אידען בעהאנדעלט ווּיא דיא פריהערדיגע ליבעראלע הערשער פון פוילען. ער איז געווען א מאן פון גערעכטיגקייט און ער האָט געמאכט וועניג אונטערשיעד צווישען נאציאָנען אָדער רעליגיאָנען. פוילען איז אונטער זיין צייט געווען גליקליך און זי וואָלט אזוי אויך פערבליעבען נאָך איהם, ווען ער וואָלט ניט צוגעלאָזען צו זיך דיא יעזואיטען — דיא מלאכי חבלה פון יענער צייט. אין 1578 האָט באטאָרי געגרינדעט א׳ן אקאדעמיע פון וויסענשאפטען און ער האָט דיזע אנשטאלט געשטעלט אונטער דער אויפזיכט פון יעזואיטישע גייסטליכע, ווייל זיי זיינען צום אונגליק דאן געווען דיא געלערנטסטע מענשען. דער פוילישער הערשער האָט ניט געוואוסט וואָס פאר א געפאהר ער האָט דורך דעם געלאָזען אויפוואקסען אין זיין לאנד. דיא יעזואיטען האָבען דורך דיזע ערנענונג געוואונען איינפלוס אויף דאס פוילישע פאָלק און זיי האָבען דעם איינפלוס בענוצט איינצופלאנצען אין דער קאטהאָלישער בעפעלקערונג א האס געגען אלע דיא, וואָס זיינען ניט געווען מיט׳ן קאטהאָליציזמוס. כל זמן באטאָרי האָט געלעבט (ביז 1586) האָבען דיא פינסטערלינגע ניט געוואגט שטארק אויפצוטרעטען; זייער אגיטאציאָן איז געוואָרען לעבעדיג אונטער זיין נאָכפאָלגער זיגמונד דעם דריטען (1587 ביז 1632).

אונטער זיגמונד דעם דריטען איז פוילען פערוואנדעלט געוואָרען אין א גיהנם. דיא יעזו־

(*) נאָך „קריה נאמנה" פון שמואל יוסף פין און אנדערע קוועללען.

איטען האָבען געוואוסט וויא זיך איינצושמייכ־
לען ביי איהם און ער האָט זיי געגעבען פולע
פרייהייט צו טהאָן וואָס זיי האָבען געוואָלט.
מיט זייער אגיטאציאָן האָבען זיי אָנגעמאכט
מחלוקות און שנאה צווישען דיא פערשידענע
רעליגיעזע סעקטען. דיא הערשענדע קירכע,
דיא קאטהוילישע, האָט גרויזאם גענומען פער־
פאָלגען דיא אנהענגער פון דיא אנדערע רעלי־
גיעזע דענאָמינאציאָנען. דיא יעזואיטען האָבען
גע'רודף'ט דיא פראוואָסלאוונע רוסען, דיא
לוטהעראנער און דיא קאלוויניסטען. פראוואָ־
סלאוונע זיינען דורך זיי געוואָרען געצוואונגען
זיך צו פעראייניגען מיט דיא קאטהאָליקען,
דורך וועלכע פעראייניגונג עס איז ארויסגעקומען
די בעוואוסטע „אוניא" (יוניאָן). ווען קריסטען
זיינען אזוי פערפאָלגט געוואָרען, קען מען זיך
גוט פאָרשטעלען וואָס דיא אידען, דיא פער־
האסטעסטע אומה, האָבען געהאט אויסצו־
שטעהן!

נאָך דעם טויט פון זיגמונד דעם דריטען
איז ארויף אויף'ן פוילישען טהראָן וולאדיסלאוו
דער פערטער (אין 1632). דיזער קעניג איז צו
דיא אידען געווען גוט געניינגט, אָבער דיא וואק־
סענדע שנאה פון דער קאטהוילישער בעפעלקע־
רונג צו דיא אידען האָט איהם געשטערט זיי
צו בעהאנדלען נאָך זיין וואונש. ער האָט ניט
געקענט ווידערשטעהן דעם ווילען פון דעם פאָלק,
וואָס איז שטארק בעאיינפלוסט געוואָרען פון
דיא יעזואיטען. דיא פאָרדערונגען פון דיא
אידישע שונאים האָט ער אָבער ניט נאָכגעגעבען
צו פיעל. אלס ער איז אין 1633 געקומען אין
ווילנא און דיא ריכטער פון מאגיסטראט האָבען
פון איהם געפאָרדערט אוועקצונעהמען פון
אידען געוויסע רעכטע האָט ער ארויסגעגעבען
פאָלגענדען בעפעהל:

1) עס איז דיא אידען פערבאָטען צו וואוינען
צוזאמען מיט דיא קריסטען; 2) דיא אידען
זאָלען זיין אונטערוואָרפען אונטער דעם פעס־
טונגס־געריכט אין קרימינאל־פראָצעסען און
אונטער דיא ריכטער פון מאגיסטראט אין ציוויל
פראָצעסען; 3) דיא אידען זיינען פריי פון
איינקוואַרטירונגס־טאקסע אין דער צייט, וואָס
דער דיעט (פוילישער פארלאמענט) קומט צוזא־
מען אָדער ווען דער קעניג און זיינע בעגלייטער
קומען אין ווילנא; אויך זיינען זיי פריי פון אלע
פערזענליכע שטייער אויסער קאָפּ־שטייער
(פאָגלאָוונע), אָבער זיי דארפען צאָהלען יעהר־
ליך אין ראטהויז דריי הונדערט גולדען אין צייט
פון פריעדען און זעקס הונדערט גולדען אין צייט
פון קריעג; 4) די אידען איז פערבאָטען זיך צו
בעשעפטיגען מיט מלאכות, אויף וועלכע קריס־
טען האָבען פריהער געקריגען א רעכט פון זייערע
צעכען; 5) פיר דיא נוצען פון דעם אדעל איז
דיא אידען אין ווילנא ערלויבט צו האלטען
צוועלף אָפענע קראָמען אין דער אידישער גאַס
און זיי איז ערלויבט דאָרטען צו פערקויפען
אלערהאנד סחורה אויסער אייניגע געוויסע סאָר־
טען; 6) אויסער דיא אָפענע קראָמען קענען
זיי האָבען ביי זיך אין דיא הייזער לאגערן פון
סחורות מיט וועלכע עס איז זיי ערלויבט צו
האנדלען.

פון דיזען בעפעהל איז צו זעהן, דאָס וולא־
דיסלאוו האָט ניט אין גאנצען נאָכגעגעבען דעם
פערלאנג פון זייערע שונאים. יעדעס מאָל ווען
קריסטען האָבען דיא אידען געזוכט צו בעדריקען
האָט זיי דער קעניג געשיצט און דער אדעל איז
אויך געווען מיט איהם.

יאָהאן קאזימיר, וועלכער האָט נאָכגעפאָלגט
זיין ברודער וולאדיסלאוו דעם פערטען אין 1648,
האָט בעשטעטיגט דיא פריווילעגיעס, וועלכע דיא
אידען האָבען געקריגען פון דיא פארצייטיגע
פריינדליכע פוילישע הערשער. דאָך אין
זיין צייט זיינען דיא אידען אין פוילען אויס־
געשטאנען דיא גרעסטע צרות, וואָס זיי האָבען
ווען אין דיזען לאנד געהאט. דיזעס מאָל זיינען
דיא פערפאָלגער ניט געווען דיא קאטהוילישע
בירגער, דיא געהעצטע פון דיא יעזואיטען, נאָר
אנדערע, וועלכע זיינען דיא פוילישע קאטהאָלי־
קען געווען נאָך גרעסערע שונאים וויא דיא
אידען. דיזע פערפאָלגער זיינען געווען דיא פרא־
וואָסלאוונע קאָזאקען, וועלכע זיינען געווען אויפ־
געבראכט געגען דיא קאטהאָליקען, וואָס האָבען
זיי א לאנגע צייט אונטערדריקט. דיא לאגע פון
דיא קאָזאקען אין פוילען איז געווען אונגעפעהר
וויא דיא יעצטיגע לאגע פון דיא אידען אין
רוסלאנד: מען האָט זיי פערפאָלגט פיר זייער
רעליגיאָן און מען האָט זיי בעלאסטעט מיט
שווערע שטייערן. א לאנגע צייט האָבען זיי גע־
דולדעט זייער שקלאַפּישע לאגע, ענדליך האָט
זייער געדולד געפּלאצט און זיי זיינען אויפגע־
שטאנען געגען דער פוילישער הערשאפט. דער
אנפיהרער פון זייער אויפשטאנד איז געווען א
קאזאצקי אטאמאן (הויפטלינג) מיט'ן נאָמען
חמעלניצקי. זייער צאָרן איז געווען געריכטעט
ניט נאָר געגען דיא פאָליאקען, זייערע אונטער־
דריקער, נאָר אויך געגען דיא אידען, וועלכע דער

פּוילישער אדעל האָט בענוצט אלס ווערקצייג פון זיי צו רייסען דיא שטייערן.

גרויזאם האָבען זיך דיא קאָזאקען אָב־גערעבענט מיט דיא פּערהאסטע פּאָליאקען און אידען. מיט ווילדע קאָמפּאַניעס אונטער דער לייטונג פון ווילדע אנפיהרער איז חמעלניצקי דורכגעגאנגען דאָס לאַנד און האָט גערויבט און געמאָרדעט אָהן רחמנות. איבעראַל, וואו ער איז געקומען, האָט ער מיט א ווילדען צאָרן זיך ארויפגעוואָרפען אויף דיא אידען און זיי גע־שלאַכטעט רעכטס און לינקס. דיא בלוט־בעדער האָבען זיך אָנגעפאנגען אין מאָנאט מאי פון 1648; טויזענדער זיינען אומגעקומען און טויזענדער זיינען אריינגעפאלען אין פּלען צו דיא טאטארען, מיט וועלכע דיא קאָזאקען האָבען זיך פעראייניגט. אין דער שטאָדט נעמיראָוו זיינען דעם 10טען יוני אויסגע'הרג'עט געוואָרען זעקס טויזענד אידען און זייערע קערפּער זיינען גע־וואָרפען געוואָרען פאר דיא הינד. דיא אידען פון טולטשין האָט מען געגעבען דיא ברירה: שמד אָדער טויט. נאָר קיינער פון זיי האָט ניט געוואָלט רעטען זיין לעבען דורך שמד און א'ן ערך טויזענד פינף הונדערט אידישע נפשות זיינען אומגעקומען מיט א שרעקליכען טויט.*) אין דעם זעלבען טאָג, דעם 24טען יוני, זיינען פילע אידען אומגעקומען אין האָמעל. אין דער שטאָדט נעראָל זיינען געטיידטעט געוואָ־רען צוועלף טויזענד אידען. אזעלכע שרעקליכע סצענעס האָבען זיך ווידערהאָלט אין אלע שטעדט פון אוקראינא, וואָהלין און פּאָדאָליע. דיזע פירכטערליכע מענשענשלאַכט האָט גע־דויערט ביז דעם יאָהר 1658 און האָט אויך דער־גרייכט דיא אידישע געמיינדען אין ליטא. דיא אידישע געמיינדע פון ווילנא, איינע פון דיא גרעסטע אין פּוילען, איז כמעט אין גאנצען גע־וואָרען פערניכטעט. דיא צאָהל אידען, וואָס זיינען אומגעקומען צווישען 1648 און 1658 איז לויט וויא מאנכע בעהויפּטען געווען איבער א האלב מיליאָן!

דער אויפשטאַנד פון דיא קאזאקען האָט זיך געענדיגט פיר זיי מיט א זיעג און זיי זיינען אריבער אונטער דעם שוץ פון רוסלאנד. צאר אלעקסיי מיכאילאָוויטש איז דורך דעם פערווי־קעלט געוואָרען אין א מלחמה מיט פּוילען און ער האָט פון איהר אָפּגעריסען אייניגע פּראָווינ־צען. צווישען דיא אָבגעריסענע פּראָווינצען זיי־נען געווען פּאָלאָצק, וויטעבסק, מינסק און ווילנא. וועהרענד דיזער אונגליקליכער צייט פיר פּוילען האָבען דיא ערניעדריגטע פּאָליאקען פון דעסט־וועגען ניט פערגעסען זייער שנאה צו דיא אידען און האָבען געזוכט זיי צו פערפאָלגען וויא אין דיא צייטען, ווען זיי זיינען געווען תקיף. אלס דיא בירגער פון ווילנא האָבען געשיקט א דע־לעגאציאָן צום צאר אלעקסיי איהם צו בעגריסען און צו בעטען ער זאָל בעשטעטיגען דיא פּריווי־לעגיעס, וועלכע זיי האָבען געהאט אונטער דיא פּוילישע קעניגע, האָבען זיי דיא דעלעגאטען אָנ־געזאָגט ביי איהם אויך אויסצו־ווירקען ער זאָל אלע אידען פון ווילנא פערטרייבען אויסער'ן שטאָדט ,צום אידישען בית־עולם, ווייל זיי זיינען — האָבען זיי ערקלערט — א שטערונג צום האנ־דעל און א פּעסט פיר דיא גאנצע שטאָדט.

אלס ליטא איז צוריק איבערגעגאנגען צו פּוילען אונטער יאָהאן סאָביעסקי (1673) האָבען דיא קריסטליכע בירגער ביי איהם אויך געפאָר־דערט ער זאָל ביי אידען צו־נעהמען זייערע רעכטע, אָבער זייער ביטע איז ניט ערפילט גע־וואָרען. דער קעניג האָט נאָך דאנגען בעשטע־

---

*) אין דיזער שרעקליכער צייט האָבען דיא אידען אַרויסגעווייזען א געוואַלדיגען מוטה. דער „יון מצולה“, וועלכער בעשרייבט דיא גזרות ת"ח, בריינגט פאָלגענדע געשיכטען פון צוויי אידישע מיידלאַך, וואָס זיינען געפאַנגען געוואָרען ביי דער אויסשלאַכטונג פון דיא אידען אין נעמיראָוו:

אַ קאָזאַק האָט געפאַנגען א אידישע מיידעל פון אַ רייכער און א יחסנ'ישער משפחה און ער האָט זיא בעשטימט צו זיין זיין פרוי; איידער ער האָט זיא נאָך בעריהרט האָט זיא זיך צו איהם צוגעשמוי־כעלט און געזאָגט, דאָס זיא האָט א מין סגולה, וויא אזוי אויף איהר זאָל ניט קענען ווירקען קיין שום געוועהר, און ווען ער וויל זיך איבערצייגען קען ער אויף איהר שיסען מיט זין ביקס. דער קאָזאַק האָט געגלויבט, אז זיא האָט עס געמיינט ערנסט, ער האָט אויף איהר געשאָסען און זיא איז געפאַלען טויט.

נאָך א אידישע טאָכטער, וועלכע איז אריינ־געפאַלען צו אַ קאָזאַק, האָט ביי איהר פאַנגער געבע־טען ער זאָל מיט איהר זיך געהן טרויען אין א קלויסטער, וועלכער איז געשטאַנען ביי אַ בריק. ער האָט איהר נאָכגעגעבען און האָט זיא אוועקגעפיהרט צו דער טרויאונג מיט גרויס פּאַראַד און טענץ. אזוי באַלד וויא זיא איז נאָר געקומען צום בריק איז זיא אריינגעשפּרונגען אין וואַסער און איז דערטרונקען געוואָרען.

טיגט דיא אלע אידישע פּריווילעגיעס פון וויטאָלד דעם פירסט פון ליטא. טראָץ דעם האָבען די אידען פון פּוילען אונטער סאָביעסקי'ס הערשאַפט קיין רוהע ניט גענאָסען, ווייל דיא צייט, אין וועלכער דער קעניג האָט רעגיערט, איז אין אַלגעמיין געווען אַן אונרוהיגע. דיא קריסטליכע בירגער זיינען אַליין געווען צוריסען. אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָבען אידען ניט געקענט ערוואַרטען, אַז זייערע רעכטע זאָלען רעספּעקטירט ווערען.

אויגוסט דער צווייטער פון זאַקסען, וועלכער האָט נאָכגעפאָלגט קעניג יאָהאַן סאָביעסקי אין 1696, איז געגען דיא אידען פון זיין לאַנד געווען אַזוי מענשליך וויא זיין פאָרגעגנגער. דיא אונגליקליכע פּוילישע אידען איז אָבער ניט געווען בעשערט צו געניסען דיא גוטסקייט, וועלכע דיזער פריינדליכער הערשער האָט זיי געוואָלט צייגען. קורץ נאָך זיין בעשטייגען דעם טהראָן איז אויף פּוילען געקומען אַן אונערוואַרטעטעס אַלגעמיינעס אונגליק. קאַרל דער צוועלפטער פון שוועדען איז דאָס לאַנד בעפאַלען מיט א גרויסע אַרמעע, וועלכע האָט אַנגעמאַכט גרויסע מהומות און פערוויסטונגען. פיעלע שטעדט אין פּוילען און ליטא זיינען אין דער צייט פון דיזען בעפאַל פערוואַנדעלט געוואָרען אין הויפענס אש. אַלס רעזולטאַט פון דיא שרעקליכע פערוויסטונגען האָבען אויך געהערשט הונגער און פעסט. אונצעהליג זיינען געווען דיא נפשות פון קריסטען און אידען, וואָס זיינען אומגעקומען אין דיזער שרעקליכער צייט. דיזעס אונגליק האָט אָנגעהאַלטען ביז דער צאַר פעטער דער גרויסער פון רוסלאַנד האָט קאַרל דעם צוועלפטען בעזיעגט אויף דעם שלאַכטפעלד פון פּאָלטאַווא. דאַן איז דיא מאַכט פון דעם שוועדישען נאַפּאָלעאָן געוואָרען געבראָכען און פּוילען איז פון איהם געוואָרען בעפרייט. ווען קאַרל דער צוועלפטער האָט אָבגעצויגען פון פּוילען און אויגוסט פון זאַקסען האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיין טהראָן, האָט דיזער פּוילישער קעניג ווידער בעשטעטיגט דיא אידישע פּריווילעגיעס. אָבער דיא קריסטליכע בירגער האָבען נאָך ניט פערגעסען זייער שנאה צו דיא אידען און האָבען איהם געשטערט דיזע פּריווילעגיעס צו זעצען אין קראַפט.

אונטער אויגוסט דעם דריטען (1733-1764) האָבען דיא קריסטליכע מאַגיסטראַטען דיא אידען געצוואונגען זיך צו ענטזאַגען פון זייערע פּריווילעגיעס. דיא פערטרעטער פון דיא אידישע קהלות האָבען געמוזט אונטערשרייבען א פּאַפּיער, אַז זיי גיבען נאָך. דיא ראשי הקהל פון ווילנא, צום ביישפּיעל, האָבען זיך אונטערגעשריבען אויף פאָלגענדען דעקרעט: 1) קהל מוז יעדען יאָהר צאָהלען צום מאַגיסטראַט 600 גולדען אָהן שום טענות און אויסרייד, סיי אין מלחמה צייט, סיי אין פריעדען, סיי אין הונגער צייט, סיי אין גוטע צייטען. 2) דיא אידען זאָלען ניט אומגעהן פערקויפען וואַארע איבער'ן שטאָדט; זיי זאָלען ניט ארויספיהרען קיין וואַארע פון זייערע הייזער און פערקויפען אין אַן אנדער אָרט; זיי קענען נאָר פערקויפען וואַארע אין זייערע הייזער אין דעם אָרט, וואו זיי איז ערלויבט צו וואָהנען; און אויב אימיצער איבערטרעט דיזען פּונקט זאָל זיין וואַארע קאָנפיסקירט ווערען. 3) זיי האָבען ניט קיין רעכט צו עפענען קראָמען צום גאַס, אויך ניט צו בויען נייע קראָמען. 4) זיי האָבען קיין רעכט ניט צו וואָהנען אויסערהאַלב דעם אָרט, וואָס איז אָבגעצאָמט פיר זיי. 5) זיי טאָרען ניט האַלטען קיין געוויכטען פיר גרויסע סחורות; זיי קענען נאָר האָבען געוויכטען פיר קליינע סחורות, און ווען זיי האָבען עפּעס גרויסעס אָפּצוּוועגען זאָלען זיי עס ברייננען אין ראַטהויז. 6) אידען פון אַנדערע שטעדט, וואָס ברייננען סחורה צום פערקויפען אין ווילנא, קענען ניט פערקויפען אין דעטייל (ריטייל) נאָר אַן גראָ (האָלסייל) און פיר דיזעס זאָלען זיי בעצאָהלען א בעשטימטע טאַקסע צום מאַגיסטראַט. פיר דיזע ענטזאַגונג פון זייערע פּריווילעגיעס האָט דער מאַגיסטראַט פון זיין זייט זיך פערפּליכטעט צו שיצען דיא אידען פון אנגריפע אויף זייערע לעבענס און אייגענטהום.

נאָך אויגוסט דעם דריטען איז געוועהלט געוואָרען סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי, וועלכער האָט רעגירט פון 1764 ביז 1795. דיזער הערשער איז געווען דער לעצטער קעניג פון פּוילען. די אינערליכע רייסערייען און קריעג, וועלכע האָבען אין פּוילען געהערשט פיר א לאַנגע צייט, האָבען אין פּאָניאַטאָווסקי'ס צייטען דערגרייכט זייער פולע מאָס און האָבען פעראורזאַכט איהר אונטערגאַנג. דיא מעכטיגע נאָכבאַרשאַפטליכע לענדער, רוסלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך, האָבען בעשלאָסען צו צוטהיילען דיזעס לאַנד צווישען זיך. דאָס איז אָבער ניט אָבגעגאַנגען אָהן א בלוטיגער מלחמה. אין דיזען קריעג האָבען אויך דיא אידען גענאָסען זייער חלק, איבערהויפּט דיא אידען פון אוקריינא, וואו עס זיינען פאָרגעקומען אכזריות

ווִיא אין דער צייט פון חמעלניצקי'ס אויפ־
שטאנד אין 1648 (גזרות ת"ח.)

פאַניאַטאָווסקי איז ארויף אויף דעם פוילי־
שען טהראָן מיט דער צושטימונג און מיט דער
הילפע פון רוסלאנד און פרייסען. אום צו שי־
צען זיין טהראָן האָט דיא רוסישע קייזערין
עקאטהערינא דיא צווייטע ארייגעשיקט אין
ליטא א גרויסע ארמעע (אין 1767). דיא פוי־
לישע אדעללייט האָבען פאַניאַטאָווסקי'ן פיינט
געהאט און האָבען זיך פעראייניגט אין אן אויפ־
שטאנד געגען איהם און דער רוסישער ארמעע,
וועלכע איז געשיקט געוואָרען איהם צו שטיצען.
דיזער בונד, וועלכער איז בעוואוסט אונטער דעם
נאָמען „קאָנפעדעראציאָן", האָט אָנגעפאנגען
זיין טהעטיגקייט אין פאָדאָליע און פון דאָרט
האָט ער זיך פערשפרייט איבער גאַנץ פוילען.
און אזוי וויא איינער פון דיא הויפט־צוועקען
פון דיא אדעללייט איז געווען צו פערקלענערען
דיא רעכטע פון אלע אנדערע דענאָמינאציאָנען
(רעליגיאָנס־סעקטען), האָבען דיא רוסען פון
אוקריינא מורא געקריגען פאר דיזען בונד און
האָבען אויפגעהעצט דיא בויערן, דיא שקלאַפען
פון דיא אדעללייט, אויפצושטעהען געגען דיא
פוילישע פאנעס און אויך געגען דיא אידען,
זייערע ווערקצייג, וועלכע האָבען איבער זיי גע־
הערשט אין דעם נאָמען פון דיא פוילישע אדעל־
לייט.

א קאָזאַצקער אנפיהרער מיט'ן נאָמען זשע־
לעזניאק האָט אויף זיך גענומען דיא אויפגאבע
פון דעם אויפשטאנד; ער האָט צוזאמענגעקלי־
בען ראָטעס ד י י ד א מ א ק ע ן און האָט געמאכט
בעפאלען אויף דיא פוילישע פאנעס און דיא
אידען. דיזער זשעלעזניאק איז געווען אזוי
הערצלאָז און מערדעריך וויא חמעלניצקי.
איבעראל, וואו ער איז געקומען, האָט בלוט גע־
פלייצט וויא וואסער. וויא שעפסען האָבען זיי
דיא פוילישע אדעללייט און דיא אידען גע־
שלאכטעט. דיא אדעללייט און דיא אידען זיי־
נען אנטלאָפען נאָך אומאן, וועלכע איז געווען א
פעסטונג־שטאָדט, און פון דאָרטען האָבען זיי
געשיקט א ראָטע קאָזאקען פון פאטאָצקי'ס
פאנשטשיזניקעס אונטער דער ליטונג פון
גאַנטאָ אָנצוגרייפען זשעלעזניאק'ן, אָבער גאַנטאָ
איז זיין הערין געוואָרען אונטריי און האָט אָנ־
שטאָט געגען זשעליעזניאק'ן צו קעמפפען זיך
מיט איהם פעראייניגט.

גאַנטאָ מיט זשעליעזניאק'ן זיינען בעפא־
לען דיא פעסטונג פון אומאן. דיא פוילישע
אדעללייט, זעהענדיג גאַנטאָ'ס אונטריהייט,
האָבען בעשלאָסען זיך צו פערטהיידיגען געגען
איהם ביז צום לעצטען טראָפּען בלוט. דיא אי־
דען האָבען זיך מיט דיא אדעללייט פעראייניגט
אין דער פערטהיידיגונג. זיי האָבען געקראָגען
ביקסען און האָבען זיך געשטעלט העלדיש פיר
זייערע לעבענס. צוויי טעג האָבען גאַנטאָ און
זשלעזניאק געקעמפפט געגען דער פעסטונג און
זיא ניט געקענט איינגעהמען. דיא פּאָליאקען
און דיא אידען האָבען געוויזען א זעלטענעם
מוטה. גאַנטאָ האָט דאן בעשלאָסען צו געהן
מיט בעטרוג. ער האָט געגעבען א צייכען, דאָס
ער וועט שליעסען פריעדען, ווען מען וועט איהם
עפענען דיא טויערען פון דער שטאָדט. דיא
בעלאגערטע האָבען איהם געגלויבט, אָבער וויא
נאָר ער איז אריין אין שטאָדט זיינען זיינע ראָ־
טעס אריין אין דיא קירכען און דיא אידישע
שולען, וואו דיא שטאָדט־לייט זיינען געוועזען צו־
זאמענגעקליבען, און האָבען אלעמען אויסגע־
הרג'עט. אין דער אידישער שוהל האָבען זיי
אויסגע'הרג'עט א דריי טויזענד נפשות. נאָך
דער הריגה האָבען זיי זיך פערשפרייט איבעראל
און גע'הרג'עט רעכטס און לינקס. דעם 20טען
יוני, 1768, זיינען אומגעקומען אין דיזע הריגות
צוואנציג טויזענד נפשות, דארונטער אכט טוי־
זענד אידען.

דיזע רציחות פון גאַנטאָ וואָלטען אוועק
ווער ווייס וויא ווייט, ווען דיא רוסישע קייזערין
עקאטהערינא וואָלט דערצו ניט געמאכט קיין
ענדע. אויף איהר בעפעהל האָט מען גאַנטאָ'ן
און זעשעלעזניאק'ן געפאַקט און זיי געגעבען
זייער פערדיענטע שטראָף.

נאָך דעם וויא עס איז שוין אפילו רוהיג
געוואָרען פון דיזען בונד האָט נאָך פוילען אלץ
ניט אויפגעהערט צו ליידען פון אונרוהען. דער
אדעל איז אלץ געווען אונצופריעדען מיט פּאָנ־
יאַטאָווסקי'ן און האָט געגען איהם אינטרי־
גירט. דיזע אונרוהען האָבען ענדליך געפיהרט
דערצו, דאָס דיא דריי גרויסע מעכטע, רוסלאנד,
עסטרייך און פרייסען האָבען בעשלאָסען צו מאַ־
כען אן ענדע פון פוילען און זיי האָבען דיזעם
אונגליקליכע לאנד ענדליך צוטהיילט צווישען
זיך (אין 1795). מיט דער צוטהיילונג פון פוי־
לען זיינען דיא פוילישע אידען פערטהיילט גע־
וואָרען צווישען דיא דריי גענאַנטע לענדער, וואו
זיי האָבען געטהיילט דאָס שיקזאל פון זייערע
ברידער, וועלכע האָבען דאָרטען געהערט פון
פריהער.




# דיא גייסטיגע וועלט

## דיא פּראָדוקציאָן פון האָלץ־אַלקאָהאָל.

דער געברויך פון האָלץ־אַלקאָהאָל שטייגט זעהר שנעל אין פערשיעדענע אינדוסטריען, ווייל מען האָט אויסגעפונען נייע מיטלען צו פּראָדוצירען איהם ביליגער. אין דייטשלאַנד האָט מען אין דיא לעצטע יאָהרען איינגעפיהרט אַלקאָהאָל־מאָטאָרס, בעזאָנדערס פיר אָטאָמאָבילען, און וואָס בעסער מען וועט דעסטילירען דיזען ספּיריטוס, אַלץ מעהר וועט מען געברויכען אַזעלכע מאָטאָרס אין דער גאַנצער וועלט.

עס פערשטעהט זיך, אַז דיא פּראָדוקציאָן פון דיזען אַלקאָהאָל איז אָפּהענגיג פון וועלדער. דארום וואקסען יעצט דיא ברענערייען פון האָלץ־אַלקאָהאָל אין אַלע טהיילען פון דיא פעראייניגטע שטאאטען. דאָס ווערט א זעהר וויכטיגע אַמעריקאַנער אינדוסטריע.

ביז יעצט האָט מען געטריבען האָלץ־אַלקאָהאָל מייסטענס אין דיא ערטער, וואו עס געפינען זיך אייזען־גיסערייען. די הויפּט־זאַך איז געווען צו קריגען דיא האָלץ־קוילען פיר דיא שטאָל־אינדוסטריע; יעצט אָבער ברענט מען אין פיעלע ערטער האָלץ הויפּטזעכליך, אום צו קריגען אַלקאָהאָל. דאָס איז מעגליך געוואָרען מיט דער הילפע פון דער כעמישער וויסענשאַפט.

וויא בעוואוסט, בעקומט מען האָלץ־אַלקאָהאָל צוזאַמען מיט פיעלע אַנדערע פּראָדוקטען, ווען מען דעסטילירט האָלץ, דאָס הייסט: ווען מען היצט האָלץ אין פערמאַכטע ערטער, אַז דיא לופט זאָל אהין ניט צוקומען. יעדערער וויים, וואָס עס ווערט פון האָלץ, אָדער פון שטיינקוילען ביי'ן ברענען אין געוועהנליכע פייער־פּלעצער, ווען דער צוועק איז נאָר צו בעקומען ווארעמקייט. וואָס פאַר ענדערונגען עס זאָלען ניט פּאַרקומען אין דער צייט פון דיזען ברענען, בלייבען שליסליך נאָר אש און איבערהויפּט אַזעלכע זאכען וואָס קענען שוין ניט ברענען, וויא פיעל מען זאָל זיי ניט דערהיצען, אָדער מיט אנדערע ווערטער, וואָס קענען זיך מעהר ניט בעהעפטען מיט דעם זויער־שטאָף־גאז פון דער לופט (דיא לעזער פון דער „צוקונפט" וויסען וואהרשיינליך, אַז אָהן זויער־שטאָף איז קיין ברענען מעגליך).

ווען מען לאָזט אָבער אריין האָלץ אָדער שטיינקוילען אין פערמאכטע קעסלען, וועלכע מען ווארמט אויף א פייער, דאן בעקומט מען הונדערטע פערשיעדענע פּראָדוקטען אויסער דיא קוילען, וועלכע בלייבען איבער נאָך אַלע כעמישע פּראָצעסען בשעת דיזען זאָ־גענאַנטען „טרוקענען ברענען" אָדער דיסטילאַציאָן. נאָך לאַנגע נאָכפאָרשונגען און פּראָבען פון געלעהרטע האָט מען אויסגעפונען מיטעל, וויא אָבצוטהיילען דיזע פערשיעדענע פּראָדוקטען איינע פון דיא אַנדערע. דאָס איז איינע פון דיא וויכטיגסטע אויפטואונגען פון דער כעמיע אין פאָריגען יאָהרהונדערט.

דיא דיסטילאַציאָן פון שטיינקוילען ווערט בעזאָנדערס געפיהרט ביי דער פּראָדוקציאָן פון בעלייכטונגס־גאַז. ביי אַן עכט־וויסענשאַפטליכער דיסטילאַציאָן געהט קיין פּיצעלע פון שטיינקוילען ניט אין ניוועץ. מען בעקומט א גאַנצע

מאסע שטאָפען, וועלכע געפינען אלע א גרויסען געברויך אין אינדוסטריע, וויא, צום ביישפּיעל, אמאָניא, קארבאָל, קרעאָזאָט, קעראָסינען, זע־גענץ, סערקע א. ז. וו. ביי דער דיסטילאציאָן פון האָלץ בעקומט מען עטוואָס וויניגער פּראָ־דוקטען. דיא וויכטיגסטע זיינען זעגענץ, האָלץ־אלקאָהאָל און עסיג. עס זיינען דאָ ספּעציעלע האָלץ־דיסטילאָרנעס פיר אלקאָהאָל און פיר עסיג. דאָס הענגט אָפּ פון דיא ארט און ווייזע, וויא מען פיהרט דיא כעמישע אפּעראציאָנען, וועלכע מען קען געפינען אויספיהרליך בעשריעבען און ער־קלערט אין ספּעציעלע ביכער.

אין דיא שטאאטען ניו יאָרק און פּענסיל־וויניא געפינען זיך יעצט איבער 80 אזעלכע ברענעריי׳ען. דיא האָלץ־קוילען ווערן צוגע־שטעלט צו אייזען־גיסערייען, און פון די דיי־סטילירטע שטאָפען פּראָדוצירט מען ספּעציעל אלקאָהאָל און עסיג. מען האָט אויסגערעכענט, אז וויניגסטענס צעהן טויזענד מאן זיינען בע־שעפטיגט אין פּענסילוויניא און ניו יאָרק צו האקען האָלץ פיר דיא אלקאָהאָל־דיסטילאָרנעס, וועלכע פּראָדוצירען איבער א מיליאָן בושעלס האָלץ־קוילען א מאָנאט און אָנדערטהאלב מיליאָן גאלאָן אלקאָהאָל א יאָהר.

אין אנדערע שטאאטען בויט מען זעהר שנעל אזעלכע ברענעריין, בעזאָנדערס אין דיא ערטער, וואו מען האקט האָלץ פיר אנדערע צוועקען. פריהער פלעגט מען פערלירען מאסען האָלץ ביים האקען וועלדער. יעצט קען מען פערברויכען יעדע פּיצעלע אין דיא דיסטילאָרנעס. מען גע־ברויכט דעם אָפּפאל, אפילו קליינע צווייגען. דאָס, וואָס פלעגט זיך פריהער וואלגערן און פוי־לען, ווערט יעצט אומגעוואנדעלט מיט דער הילפע פון כעמיע אין העכסט נוצליכע פּראָדוקטען.

אויסער דעם זיינען אזעלכע דיסטילאָרנעס איינפאך ניצליך פיר דעם וואקסען פון וועלדער, דען עס לוינט זיך יעצט צו לאָזען אויסהאקען דיא קרומע און שלעכטע בוימער, אום דיא גוטע זאָלען קענען בעסער וואקסען. מיליאָנען אקערס לאנד זיינען בעוואקסען מיט אזעלכע בוימער און בוימלעך, וועלכע טויגען ניט אלס בוי־מאַ־טעריאל און לאָזען ניט וואקסען דיא נוציגע בוימער פיר הייזער און מעבעל. אין אזעלכע ער־טער זיינען האָלץ־דיסטילאָרנעס איינפאך נויט־וועדיג און זיי ווערן טאקע אלץ מעהר איינגע־פיהרט.

מען קען דארום זאָגען, אז דיא פּראָדוקציאָן פון האָלץ־אלקאָהאָל איז אונבעגרענצט און וועט אויך פערנעהמען א וויכטיגען פּלאַץ אין דער ענטוויקלונג פון וועלדער.

## עלעקטרישע בעהייצונג.

אין דער לעצטער צייט האָט מען אזוי אויס־געבעסערט דיא עלעקטרישע אפּאראטען צום ווארמען, אז זיי קענען שוין קאָנקורירען מיט דיא בעסטע גאז־אויווענס. אויסער דיא זיכערהייט, בעקוועמליכקייט און ריינקייט ביי דעם געברויך פון עלעקטרישע אויווענס, האָבען זיי נאָך דיא גרויסע מעלה, דאָס דיא היץ געהט ניט פערלאָ־רען. ווען מען בענוצט דיא בעסטע אויווענס מיט קוילען אָדער האָלץ אלס ברען־מאטעריאלען, בעקומט מען העכסטענס א העלפט פון דיא היץ, וואָס זיי לאָזען ארויס ביי׳ן ברענען. דיא איברי־גע העלפט געהט אוועק מיט׳ן רויך. אויך אין גאז־אויווענס געהט פערלאָרען וויניגסטענס 40 פּראָצענט פון דיא גאנצע היץ־ענערגיע, וועלכע ענטוויקעלט זיך ביי׳ן ברענען. ביי׳ן קאָכען אונ־טער געוועהנליכע אומשטענדען אין יעדער וואָה־נונג געהט אוועק ביז 75 פּראָצענט היץ גאנץ אומ־זיסט. ווען מען שטעלט אוועק א טעפּעל אויף א קויל־אויווען אָדער אויף א גאז־אויוועלע, געהט אין ניוועץ א מאסע ווארעמקייט. מען האָט אויסגערעכענט, נאָך פיעלע פּראָבעס, דאָס 70 פּראָצענט פון דער היץ־ענערגיע פון יעדען פּער־ברענטען פונט קוילען אין וואָהנונגען זיינען ארויסגעוואָרפען פיר פּראַקטישע צוועקען, דאָס הייסט, אז העכסטענס א ד ר י ט ע ל פון דיא קוילען, וואָס מיר געברויכען אין געוועהנליכע קאָך־אויווענס, דיענט אונז אין דער ווירקליכקייט.

מיט עלעקטרישע אפּאראטען קען מען אָבער אויספיהרען, אז כמעט דיא גאנצע היץ־ענערגיע זאָל אָנגעווענדעט ווערן גראדע דאָרט, וואו מיר דארפען עס. צום ביישפּיעל, אן עלעקטרישע פּאן האָט דראָטען אויפ׳ן דעק, וועלכע ווארמען איהר דירעקט און קיינע זייטיגע זאכען. גראדע אזוי פיל ווארעמקייט, וויא פיעל עס קומט אריין אין דיא דראָטען, ווערט פערברויכט פון דער פּאן.

דאָס פּובליקום דארף זיך נאָר צוגעוואָהנען צו דיא עלעקטרישע מיטעל ביי׳ן הייצען און קאָכען, אום זיך אָפּצוזאָגען אפילו פון גאז־אווי־ווענס. דאָס וועט געשעהען אין א גאנץ קורצער צייט.

## פלאַנץ־פּוטער.

אין פראנקרייך האָט מען אָנגעפאנגען צו פאבריצירען פון קאָקאָניס אזא פּוטער, וועלכער

איז אין אייניגע הינזיכטען נאָך בעסער, וויא דיא געוועהנליכע פּוטער פון קוה־מילך.

כעמיע איז דאָ, וויא אין טויזענדע אנדערע זאכען, געקומען צו הילפע. דיא פעטס, וואָס געפינט זיך אין דיא פרוכטען פון דעם וואונדערבאַרען טראָפּישען קאָקאָנוס־בוים, איז ביז יעצט מייסטענס געברויכט געוועהן אין דער זייף־אינדוסטריע. א קאָקאָנוס ענטהאלט ביז 60 פּראָצענט פעטס, וואָס קען דורך געוויסע כעמישע מיטעל אומגעוואנדעלט ווערן אין א פּראָדוקט, וואָס איז ווירקליך אזוי גוט ווי די ריינסטע פּוטער.

יעדער ווייס, אז פון געוועהנליכע טהיער־פעטס פאבריצירט מען אָלעאָמארגארין, מיט וועלכע מען פעלשט פּוטער. דיא בעסטע סאָרטען אָלעאָמארגארין קענען זיך אָבער ניט פערגלייכען מיט דיא ערגסטע סאָרטען פון דעם „פלאַנץ־פּוטער, וואָס מען פאבריצירט פון קאָקאָ־ניס.

אין עטליכע האָספּיטעלער אין פראנקרייך, עסטרייך און שווייץ האָט מען געמאכט גרינדליכע נאָכפאָרשונגען וועגען דיא ווירקונגען פון דיזע פאַלנץ־פּוטער אויף פאציענטען, און דיא רעזולטאטען זיינען זעהר גינסטיגע. קאָקאָ־פּוטער האָט דיא גרויסע מעלה איבער קוה־פּוטער, וואָס זיא ענטהאלט אין זיך כּמעט קיין וואסער. דורך דעם ווערט זיא ניט טוכלע און פערדאָרבען אזוי שנעל. אזא פּוטער בלייבט פון 15 ביז 20 טעג אָהן שום ענדערונג אין טעם און גערוך. דאַרום איז דער געברויך פון קאָקאָ־פּוטער בע־

זאָנדערס וויכטיג אין בעקעריען פיר אלערליי טאָרטען.

דער געוועהנליכער טעם פון קאָקאָ־פּוטער איז א זיסליכער.

## אַן אַפּאַראַט צו פאָטאָגראַפירען דאָס אינעווייניגסטע פון אויגען.

דער בערלינער דאָקטאָר וואלטער טהאָרנער האָט ענדליך געשאפען אן אינסטרומענט, וואָס טויזענדע אָקוליסטען (אויגען־דאָקטוירים) האָבען זייט יאָהרען אומזאָנסט געזוכט, דאָס איז נעמליך אן אפּאראט ניט נור צו זעהען, וואָס טהוט זיך אין אויג, זאָנדערן אויך צו פאָטאָגראפירען איהר הינטערגרונד. ביז יעצט האָבען זיך אָקוליסטען בענוצט מיט דעם אָפּטהאלמאסקאָפּ, וואָס פּראָפ. העלמהאָלץ האָט ערפונדען אין 1850 יאָהר. דאָס האָט זיי ערלויבט צו זעהען דאָס אינעוויינינג פון אן אויג; אָבער אַלע פערזוכען צו פאָטאָגראפירען עס זיינען ניט געלונגען, ווייל עס איז שווער איהרצו בעלויכטען געניגענד.



Fig. 1.

דר. טהאָרנער האָט צוערשט געמאכט פּראָבעס אויף אויגען פון חיות, בעזאָנדערס פון קעץ, און ווען עס איז איהם געלונגען צו בעקומען פאָטאָגראפיעס, האָט ער אזוי געענדערט זיין אפּאראט, אז עס זאָל אויך זיין גוט פיר מענשען. א מענשליכע אויג איז אינעווייניג פיעל דונקעלער וויא דיא אויג פון א קאץ, דארום האָט ער געמוזט בענוצען א שטארקערן שיין און עמפּפינד־

ליכערע פּאָטאָגראַפישע פּלאַטען. וויא אזוי מען אָפּערירט מיט דיזען אפּאראט צייגט דיא ביי־ליגענדע פּאָטאָ Fig. 1. צווערשט געברויכט מען דעם שיין פון א געוועהנליכ קראָסין־לאמפּע, אום דיא אויג זאָל קענען געבען א קלאָרען אב־שיין אויף א פּאָטאָגראַפישע פּלאַטע, נאכהער פאלט א זעהר העלער שיין אויף דיא אויג מיט דער הילפע פון אן עלעקטרישען פונק, און אין דער זעלבער סעקונדע עפענט זיך א קאמערא־אָבסקורא, וואו מען בעקומט דיא געוואינשטע פּאָ־טאָגראַפיע.

אויף דיזער ארט האָט דער דאָקטאָר פּאָטאָ־גראַפירט א סך געזונטע און קראנקע אויגען, אום צו זעהען דעם אונטערשיעד. דיא רעזולטאטען פון זיינע נאָכפאָרשונגען האָט ער פּערעפענט־ליכט אין א ספּעציעלען בוך. דיא פּאָטאָגרא־פיעס זיינען נאָך ניט גאַנץ שאַרף, אָבער מען קען דאָך, ניט נאָר לייכט אונטערשיידען קראנקע פון געזונטע אויגען, זאָנדערן אפילו דיא אויגען פון קורצזיכטיגע. צום ביישפּיעל, דיא אויגען פון א קורצזיכטיגען קען מען באלד דערקענען נאָך א געוויסען רינג אויף דער פּאָטאָגראַפיע.

מיט דער הילפע פון דיזען אפּאראט קען מען אויך פּאָטאָגראפירען אירגענד וועלכען טהייל פון אן אויג. דיא וויכטיגקייט דערפון פיר דיא נאָכפאָרשונג פון קראנקע אויגען, וויא וויית זיי ווערן בעסער אָדער ערגער, איז זעלבסטפער־שטענדליך.

## פייערלייט־מאַסקעס.

אין לאָנדאָן האָט מען איינגעפיהרט א ספּע־ציעלען אפּאראט פיר פייערלייט, אז זיי זאָלען קענען פערבלייבען אין אזעלכע ברענענדע הייזער, וואו דער רויך שטיקט אָן זאָגאר פערגיפטעט. וויא ניצליך דיזער אפּאראט איז, איז לעצטען מאָנאט בעוויזען געוואָרען ביי א פייער איז א כעמישע פאבריק, וואו מען וואָלט זאָנסט ניט גע־קענט אויסהאלטען אַיין מינוט צוליעב דיא גיפ־טיגע גאזען, וועלכע האָבען זיך דאָרט צוזאמענ־געמישט מיט דעם רויך.

דער אפּאראט איז אייגענטליך עהנליך צו די קליידער, וואָס טויכערס טראָגען, ווען זיי ארביי־טען אונטערן וואסער. דער פייערמאן טראָגט אויף'ן קאָפּ אזא מאַסקע, וועלכע איז פערבונדען מיט א רעהר איינצואָטהמען פרישע לופט, וואָס מען פּאָמפּט אהין אריין, וויא מען קען עס זעהען אויף דער בייליגענדער פּאָטאָ Fig. 2 מיט קליידער פון אונברענבארע מאטעריאלען קען אזא פייערמאן ווירקליך געהן דורך פייער און פלאם א געוויסע צייט און איינפאך ארויסרייסען מענ־שען פון דעם מלאך המות׳ס הענד.

אזעלכע קליידער און מאסקעס קענען בענוצט ווערן אין פילע אנדערע ערטער מיט גרויס נוצען: צום ביישפּיעל, אין קוילען־מינען נאָך עקספּלאָ־זיאָנען, אין אייז־פאבריקען, וואו עס טרעפט, אז ארבייטער ווערן דערשטיקט פון אמאָניא (דיזער גאז ווערט בענוצט צו מאכען קינסטליך געלט), אין טיפע גריבער, אין דיא רינשטאָקען אונטער דער ערד אין גרויסע שטעט א. ז. וו.

## דער נייער יסוד אויראָפּיום.

אלע נייע עלעמענטען אָדער יסודות ווערן ענטדעקט פון גרויסע געלעהרטע. איינער פון דיא נייעסטע איז א זעהר זעלטענער מעטאל, וואָס האָט געקראָגען דעם נאָמען אויראָפּיום לכבוד דיא אלטע אייראָפּא.

ענטדעקט איז ער געוואָרען אויף פאָלגענדע ארט: אין 1892 האָט דער פראנצויזישער גע־לעהרטער דע־בואבאָדראן בעמערקט געוויסע דריי ליניעס איינע נאָהענט צו דיא אנדערע אין דעם ספּעקטרום פון לייזונגען, וועלכע האָבען ענט־האלטען זאלצען פון דעם יסוד סאמאריום. ער האָט דערפון געשלאָסען, אז דיזע ערשיינונג קומט פון א נייעם עלעמענט. א געלעהרטער מיט דעם נאָמען דעמארסעי האָט ווידערהאָלט דיזע פּראָ־בעס און האָט ענדליך אָבגעזונדערט דעם יסוד, וואָס האָט געצייגט דעם בעשטימטען ספּעקטרום. דאָס איז דער אויראָפּיום. דיזען יאָהר האָבען צוויי געלעהרטע, דיא פראנצויזען אורבאני און לאקאָמב, ווידערהאָלט דיזע שווערע עקספּערי־מענטען און האָבען געקראָגען א פּיצעלע אוי־ראָפּיום, אום צו קענען בעשטימען זיינע מעלות.

וויא זעלטען דיזער יסוד איז אויף אונזער ערד, קען מען שליסען פון פאָלגענדע פאקטען: אין א געוויסען סאָרט זאמד, וואָס ווערט גערופען מאָנאזיט־זאמד, געפינט זיך דער יסוד אויראָ־פּיום צוזאמען מיט דיא זעלטענע יסודות סאַ־מאריום און גאָנראָליום. מען מוז געברויכען א ג א נ צ ע ן טון פון דיזען זאמד, אום ארויס־צוקריגען עטליכע גראמען פון דיזע יסודות. נאכהער דארף מען זיי אָבזונדערן, וואָס עס איז א זעהר שווערע און לאנגזאמע ארבייט. א



Fig. 2.

מענש, וואָס האָט זיך קיין מאָל ניט בעשעפטיגט מיט כעמישע אונטערזוכונגען, קען זיך קוים פאָר־שטעלען, וויא פיעל צייט עס נעהמט און וויא פיעל געדולד מען מוז האָבען, אום ארויסצוקריי־גען פון א טון זאמד אָדער אנדערע ערד א גראם פון א געוויסען יסוד. ניט ווייניגער וויא ד ר י י ט ו י ז ע נ ד אויפלייזונגען אין קריסטאליזא־ציאָנען האָבען דיזע געלעהרטע געמוזט מאכען, אום צו קענען אָפּטהיילען אויראָפּיום פון זיינע חברים סאמאריום און גאָנדאָליום, דען דיזע דריי יסודות האָבען גרויסע עהנליכקייטען. דער פּראָצענט פון דעם אָקסיד פון אויראָפּיום (אָקסיד הייסט א בעהעפטונג פון א מעטאל מיט זויער־שטאָף) אין דיא מאָנאזיט־זאמדען איז 0.00002 (דאָס איז: 2 חלקים פון הונדערט טויזענד.)

## זייגערס אָהן ווייזערס.

עס איז שווער צו זאָגען, וואָס פאר א נוצען מען קען האָבען פון דעם, אז א זייגער וועט אייך צייגען דיא צייט אָהן ווייזערס, ווי צום ביישפּיל, אויף דיזער צייכנונג. דעם פּלאַץ פון דיא וויי־זערס פערנעהמען איינפאך ציפער. דיא אויי־בערשטע ציפער בעצייכענען דיא שטונדען, דיא אונטערשטע — דיא מינוטען. דיא צייט אויף דיזער צייכנונג איז אלזאָ 11.20.

פון ערשטען בליק שיינט, אז עס איז גאָר ניט שווער צו ענדערן דעם מעכאניזמוס פון א זייגער אזוי, אז אנשטאָט עס זאָלען זיך דרייהען וויי־זער׳ס איבער א ציפער־בלאט, זאָלען זיך ציפער אליין בעווייזען אין דיא בעשטימטע מינוטען און שטונדען; אָבער אין דער ווירקליכקייט איז דיזע ענדערונג פערבונדען מיט אזעלכע שוועריגקייטען, אז פיר דעם געוועהנליכען געברויך, איינפאך אלס א נייאיגקייט, האָט ניט גע־לוינט צו פאבריצירען אזעלכע זייגערס.

יעצט האָט א׳ן ער־פינדער מיט׳ן נאָמען יודזשין פיטש בייגעקומען אלע שוועריגקייטען, און זייגערס אָהן ווייזערס קען מען זעהען אויס־




געשטעלט אין גרויסע מאגאזינען פון ניו יאָרק.

פ. קראַניץ.

# מיט איהר ביים גרענעץ

## ערֹאינערונגען פון רעוואָלוציאָנערען לעבען אין רוסלאַנד.

דאָס איז געווען מיט זעקס יאָהר צוריק. א שרעקליכע צייט האָט דאן איבערגעלעבט דער „בונד“ אין רוסלאנד. דיא צוויי יאָהר שווערע ארבייט פון זובאטאָוו׳ס שפּיאָנען־ארמיע האָט געבראכט גוטע פריכטע דער רעגירונג. הונדערטע ארעסטען זיינען טאָגטעגליך פאָרגעקומען, און דיא געפענגניסע זיינען פול געוואָרען מיט דיא בעסטע פון דער רוסישער יוגענד. וויא דיא באציללען פון עפּידעמיע האָבען זיך זובאטאָוו׳ס שפּיאָנען פערשפּרייט איבער גאנץ ליטא און פוילען, וואו עס איז הויפּטזעכליך דעם בונד׳ס טהעטיגקייט געוועזען. דעם בונד׳ס קאָמיטעטען פון אלע שטעדט און שטעדטלאך האָבען פיבעריש געארבייט דיא שוין „אָנגעגרייפענע“ מיטגליעדער אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי אין זיכערהייט צו ברענגען.

איך האָב דאן געוואהנט אין א שטעדטיל לעבען דייטשען גרענעץ, פון וואנען איך האָב מיט ערפאָלג מיין הילפע געלייסטעט דעם „בונד“.

צווישען דיא פיעלע בריעף, וועלכע איך האָב אויף פערשידענע אדרעססען ערהאלטען פון צענטראל־קאָמיטעט פון „בונד“ וועגען דיא „קראנקגעוואָרענע“, האָב איך אויך ערהאלטען דיא לאנג־ערווארטעטע נאכריכט וועגען „איהר“.

„ערווארטע איהר מיט ביי־נאכטיגען צוג“, האָט מען מיר געשריעבען אין א פערשיפרירטען בריעף. „א שווארצער שלייער בעדעקט איהר געזיכט; א ווייסע טאשענטוך וועט זיא האלטען אין האנד; זיא וועט זאָגען „לעאָניד“ זאָלסטו זאָגען „געוויס“.

און זיא איז געקומען. שטעהענדיג אָן א זייט אין א ווינקעל אויף׳ן וואגזאל האָב איך איהר גלייך בעמערקט. זיא איז געוועזען פון מיטלען וואוקס. מיר האָט געשיינט אז דער שווארצער שלייער אויף איהר געזיכט איז געווען אויפפאלענד, און איך האָב מיך געאיילט וואָס שנעללער מיט איהר אוועקצופאָהרען פון וואגזאל. איך בין שנעל צו איהר צוגעגאנגען און האָב איהר אָהן צערעמאָניעס געגעבען דיא האנד. זיא האָט אויף מיין בעגריסונג הערצליך געענטפערט. מיר זיינען צוגעגאנגען צום נאָהענטסטען וואגען און האָבען זיך ארייננגעזעצט צו פאָהרען אין שטאָדט.

ווען דער וואָגען האָט זיך גענומען ריהרען, האָבען מיר זיך וויא אלטע בעקאנטע גענומען אויספרעגען און דערצעהלען וועגען דיא לעצטע פּאסירונגען. אונזער פוהרמאן איז געווען א קריסט, דאָך אָבער האָבען מיר זיך ניט געפיהלט גענוג פריי אום וועגען אלעס צו רעדען.

„יא“, האָב איך זיך געכאפּט, „ווען איך בין צו אייך צוגעגאנגען אויף׳ן וואגזאל, האָט איהר געזאָגט וואָס מען האָט אייך געהייסען?“

„דאכט זיך, אז ניט“, האָט זיא שטיל געלאכט, „נאָר עס וועט מסתמא זיין כשר; איך וויים אז דאָס זיינט איהר און איהר מעגט מיר גלויבען אז דאָס בין איך“, האָט זיא געענדיגט אין א לאכענדען טאָן, צייגענדיג מיט׳ן פינגער אויף זיך.

דיא נאכט איז געוועזען פינסטער — א קיהלער ווינטעל האָט בעוועגט דיא בוימער. דער וועג איז געווען מיט גריבער און דיא אָרימע שקאפּע, געטריעבען פון דרעמלענדיגען פוהרמאן, האָט זיך געמאטערט און געסאָפּעט. פוז ווייטען האָבען געשיינט איינציגע ליכטלאך, וועלכע האָבען אָנגעזאָגט אז דיא שטאדט איז ניט ווייט. דער וואָגען איז געווען ענג, און זיא איז געזעסען פעסט צוגעדריקט צו מיר. איבער דיא פינסטערקייט פון דער נאכט וויא דורך איהר שווארצען שלייער האָב איך איהר געזיכט ניט געקענט זעהען.

„דאָ איז שטיל און אומעטיג“, האָב איך נאָך א קורצען שווייגען זיך צו איהר געווענדעט.

„יא — האָט זיא א זיפץ געטהאָן — וויא ביי מיר אויף׳ן הערצען“.

ווייטער רעדען האָב איך ניט געוואוסט

וואס. דער טרויעריגער טאָן, מיט וועלכען זיא
האָט דיא איינינע ווערטער געזאָגט, האָבען אויפ־
געוועקט שמערץ אין מיין הערצען. איך האָב
זיך דערמאָהנט אן מיינע פריינדע, וועלכע זיינען
מיט ברוטאלער געוואלט ארויסגעריסען געוואָרען
פון לעבען און זיינען פעראורטהיילט צו שמאכ־
טען אין דיא טיורמעס. וויא ענערגיש, וויא
האָפנונגספאָל זיי זיינען דאָ ניט לאנג צוזאמען
מיט אונז אין קאמפף געוועזען. און זיא קומט
פון רעכטען פייער — האָב איך מיך דערמאָהנט
אָן איהר. אויך זיא איז בערויבט געוואָרען פון
איהרע בעסטע פריינדע, און אליין — אלעס
וואס איהר איז טהייער, אלעס וואס איהר איז
ליעב, מוז זיא פערלאָזען. איך האָב געווענדעט
דיא אויגען צו איהר. זיא איז געזעסען פער־
טראכט און איהרע אויגען האָבען וויא פערגלי־
ווערט געקוקט אין דער פינסטערקייט פון דער
נאכט. זיא האָט דערפיהלט מיינע אויגען אויף
זיך און האָט אויסגעדרעהט צו מיר איהר קאָפּ.

„אייך מוז זיין קאלט?“ האָב איך איהר
מילד געפרעגט.

„ניט זעהר“, האָט זיא געענטפערט און
מאכענדיג א שנעלע בעוועגונג, האָט זיא דורכ־
געצויגען איהר האנד דורך מיינע און האָט איהר
אין מיין מאנטעל־קעשענע אריינגעלעגט.

„איהר וועט מיך נאָך היינט פטר'ן?“ האָט
זיא אין א ווײלע ארום מיט א ציטעריגער שטי־
מע געפרעגט.

„פטר'ן“ — האָב איך וויא מיט פאָרוואורף
איבערגערעדט. ניין! איהר וועט בלייבען ביי
אונז דיא נאכט און פיעללייכט נאָך מאָרגען
אייך. מען מוז זעהר פאָרזיכטיג זיין. אללענ־
פאללס וועט ניט שאדען איהר זאָלט זיך אביסעל
אויסרוהען.“

זיא האָט קיין וואָרט געענטפערט, און דער
וועגעל האָט זיך מיעד ווייטער געשלעפט.

„איהר זיינט ניט צופריעדען דאָ היינט צו
בלייבען?“ האָב איך איהר געפרעגט.

„ניט צופריעדען“—האָט זיא איבערגערעדט.
„איך בין מיט אלעס צופריעדען“.

ווען מיר זיינען אריינגעפאָהרען אין שטאָדט
איז דער זייגער שוין געוועזען עלף. דיא שטאָדט
האָט אויסגעוויזען אין טיעפען שלאָף. דיא
קליינע הייזלעך זיינען געווען וויא איינגעווי־
קעלט אין פינסטערניס. דער הימעל פערוואָל־
קענט, און א דינער שפריינגעלע האָט לייכט גע־
קלאפט אין דיא הילצערנע דעכער. פון ווייטען
האָבען זיך געהערט טריט און דער רעגעלמעסיגער
קלאפען פון א קאלאקאטקע. דאָס האָט דער
נאכט־וועכטער געלאָזט וויסען, אז אלעס איז
אין אָרדנונג און מען מעג רוהיג שלאָפען.

איך האָב דעם וועג צו מיין הויז אויסגע־
קליבען דורך ארומיגע געסלאך; האָב איהר גע־
ראטהען אויסצוטהאָן דעם הוט מיט'ן שלייער,
אום ניט אויפפאלענד צו זיין ווען אימיצער וועט
אונז בעגעגנען. אונז האָט זיך איינינע מאָל גע־
דוכט, אז מיר הערען שריט הינטער אונז. מיר
האָבען זיך אָבגעשטעלט און איבערצייגט אז
דאָס האָט דער ווינד געשפיעלט מיט דיא בוי־
מער. מיר זיינען ענדליך צוגעקומען צו מיינע
עלטערנס הויז. אויסער וואָס עס האָט זיך פון
א הויף געהערט דאָס קרייהען פון א האָהן איז
קיין לעבעדיגע נשמה ניט געווען צו זעהן און צו
הערען. מיר האָבען זיך ענדליך אָבגעשטעלט
לעבען א טהיר. איך האָב איהר אָנגעוויזען וואו
זיא וועט שלאָפען דיא נאכט און פערברייננגען
מאָרגענדיגען טאָג, ביז איך וועל פערטיג ווערען
איהר צו קענען ברענגען אויף דער פרייער וועלט
— אין דייטשלאנד. איך האָב איהר גענומען
פאר'ן האנד און אין דער פינסטער אריינגע־
פיהרט אין א צימער. זיא איז לאנגזאם צו־
געגאנגען צום פענסטער און האָט ארויסגעקוקט
דרויסען און זיך פערטראכט. איך בין צו־
געגאנגען צו איהר און געפרעגט, אויב זיא איז
ניט הונגעריג. זיא האָט מיט א שטילען טאָן
געענטפערט אז ניט.

„זאָל איך אָנצינדען ליכט?“

„ניין — מיר איז אזוי אנגענעהמער“.

„מיך ברענגען אויף דער פרייער וועלט —
אין דייטשלאנד!“ האָט זיא אין א טרויעריגען
טאָן ווידערהאָלט און האָט לאנגזאם אויסגע־
טהאָן איהר מאנטעל — „גאָט מיינער, ווען איך
וואָלט דאָ, דאָ — האָט זיא בעטאָנט — „כאָטש
א לענגערע צייט געקענט בלייבען. דאָ איז אזוי
שטיל, אזוי רוהיג, אזוי אנגענעהם! מיר גלויבט
זיך גאָר ניט, אז דאָס איז אויך רוסלאנד, אז דאָ
זיינען אויך שפּיאָנען, זשאנדארמען. איך וואָלט
דאָ אזוי גוט געפיהלט, אזוי גליקליך געפיהלט!“

„דאָס איז נאָר, ווייל איהר זייט דאָ א
גאסט — האָב איך געזאָגט, צונעהמענדיג פון
איהר דעם מאנטעל — דאָס לעבען וואָלט אייך
דאָ שנעלער מיאוס געוואָרען, וויא אין א גרוי־
סער, לעבעדיגער שטאָדט.“

„ס'קען זיין“, האָט זיא זיך ניט געשפּארט.
זיא האָט זיך ווידער פערטראכט.

„איך מוז אייך יעצט לאָזען“, האָב איך זיך

צו איהר געווענדעט, „איך מוז נאָך היינט זעהן איינינע „בעקאנטע". זייט ניט אונמוטהיג, שלאָפט און רוהט זיך אויס", האָב איך איהר מילד געבעטען.

„ווען וועל איך אייך ווידער זעהן?" האָט זיא געפרעגט. „מיר איז אזוי שווער אליין צו בלייבען. יעדע מינוט ציהט זיך פאר מיר אויס וויא א יאָהר".

איהר שטימע האָט זיס, אָבער טרויעריג געקלונגען. איך האָב זיך אויך עפּעס פארקלעהרט און האָב איהר פראגע ניט געענטפערט. זיא האָט מיך אָנגעקוקט. איהרע ליפּען האָבען זיך צוזאמענגעצויגען אין א שמייכעל.

„א באָבע, הא?" האָט זיא געוואָלט טרעפען מיינע געדאנקען — „אָבער איך קען מיך ניט העלפען", האָט זיא געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

איך האָב איהר קיין וואָרט געענטפערט, האָב גענומען איהרעביידע הענד אין מיינע און האָב זיי הערצליך געדריקט.

איך האָב יענע נאכט ניט געשלאָפען. ביז פיער א זייגער בין איך געווען פערנומען מיט ארבייט. דיא נאכט האָט זיך געהאלטען ביים שיידען, ווען איך בין אהיים געקומען.

איך האָב זיך אויסגעצויגען אויף'ן געלעגער און מיינע געדאנקען האָבען זיך איבערגעטראגען צו איהר. דאָס הערץ האָט שטירמיש געקלאַפּט.

ס'איז מיר ניט דאָס ערשטע מאָל געווען „בעקאנטע" מיידלאך איבער'ן גרענעץ צו בעגלייטען. זייער ליידען ביים שיידען זיך מיט דעם פערשאָלטענעם געליעבטען פאטערלאנד האָט מיר שטענדיג פעראורזאכט איינינע שלאָפלאָזע נעכט. איך האָב עס אבער קיינמאָל אזוי שרעקליך געפיהלט, וויא יעצט. דיא צוויי שטונדען, וועלכע מיר זיינען צוזאמען געווען: פון איהר קומען ביז מיין איבערלאָזען איהר אויבען אין צימער, האָבען מיר זיך אויסגעדוכט אלס א לאנגע צייט. איך האָב איהר, דוכט זיך, שוין יאָהרען לאנג געקענט, געקענט גענוג אום איהר פיהלען צו פערשטעהן, גענוג אום איהר שמערץ אלס מיין אייגענעם צו פיהלען. און איך האָב איהר נאָך אין איינציגעס מאָל ניט דייטליך געזעהען. „א באבע, הא? אָבער איך קען מיר ניט העלפען", האָט מיר אין דיא אויערן געקלונגען איהר זיסע שטימע.

א באבע! זיי זיינען אזוי וויניג „באבעס" געווען אין דער בעוועגונג. און ווען איינע האָט זיך אלס אזעלכע געפיהלט, האָט זיא עס שטענדיג געזוכט צו פערלייקענען. און א באבע האָט געהייסען יעדער אָדער יעדע וועלכע איז פעהיג געווען צו וויינען, וועלכע איז געווען צו ווייכהערציג. היינט ווער רעדט שוין וועגען אזלכע זינדיגע, וועלכע האָבען זיך געפריינדעלט מיט אמאָר'ן, זיך געקוויקט מיט פּסיכי — דאָס זיינען געווען דיא פּסולת אין דער בעוועגונג. געזונדע, לעבעדיגע, טהעטיגע, אָפּטמאלס אָבער אויך גאנץ טרוקענע, דיזע האָט דיא בעוועגונג געשעצט און אנערקענט. איך האָב אָבער שטענדיג געליעבט דיזע באָבעס, אזעלכע וועלכע האָבען בעזעסען דעם זינן פון א מאן און דאָס הערץ פון א פרוי.

און אזעלכע איז זיא געווען. אין דעם האָב איך ניט געצווייפעלט. דאָס האָט מיר איהר זיסע ווייכע שטימע געזאָגט, איהר טרויעריגעס ארויסקוקען דורכ'ן פענסטער און איהר הייסער וואונש צו פערבלייבען אויף איינינע צייט אין דער שטילער, רוהיגער שטעדטיל „אויף'ן בוזעם דער נאטור" וויא א פּאָעט וואָלט זיך אויסגעדריקט.

ס. יאַנאָס.

(שלום פאָלגט.)

# נייע ביכער

## דיא אַלגעמיינע אידישע ענציקלאָפּעדיע, אַרויסגעגעבען פון דעם בוכפערלאַג „ליכט“ אין פּעטערבורג.

אונזער אָרימע זשאַרגאָנישע ליטעראַטור וואַקסט יעצט מיט יעדען יאָהר אַלץ מעהר, טראָץ דיא נביאות, אַלטע און נייע, אַז זיא וועט באַלד אין גאַנצען פערשווינדען. אין דא לעצטע פינף יאָהר האָט זיא אַזוי שטאַרק אַרויסגעשפּראָצט, אַז מיר האָבען שוין אַפילו דערלעבט צו האָבען אַן ענציקלאָפּעדיע אין מאַמע־לשון!

„עס איז שוין לאַנג קיין סוד ניט, שרייבען דיא אַרויסגעבערס, אַז דיא שטרעבונג פון אידישען פאָלק צו וויסענשאַפט וואַקסט פון טאָג צו טאָג. עס זיינען שוין אַוועק דיא יאָהרען, ווען דער איד פלעגט ניט וועלען וויסען, וואָס עס טהוט זיך אויף דער ברייטער וועלט, וויא עס לעבען און צו־וואָס עס שטרעבען אַנדערע פעלקער. היינט איז שוין ניט אַזוי. דאָס אידישע פאָלק פאָדערט קענטניס און בילדונג“.

דאָס איז גאַנץ ריכטיג, און דאַרום איז אַ'ן ענציקלאָפּעדיע פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאַר דיא אידישע לעזער. מיר בעגריסען הערצליך דיא ערשיינונג פון אַזאַ ווערק און מיר ווינשען דעם בוכפערלאַג „ליכט“ דעם בעסטען ערפאָלג.

וויא וויט מיר קענען אורטהיילען נאָך דעם ערשטען העפט, וואָס איז פּאָרלויפיג ערשיענען (דיא גאַנצע ענציקלאָפּעדיע וועט בעשטעהן פון 30 אַזעלכע העפטען), וואָלט זיא געקענט זיין פיעל בעסער אַפילו מיט דיא מיטעל און ליטעראַרישע קרעפטע, וועלכע דיא אַריסגעבער האָבען, ווען מי זאָל נור מעהר אויסקלייבען און זאָרגפעלטיגער בעהאַנדלען ווערטער און נעמען. נאַטירליך יעדער אָנפאַנג איז שווער, אַבער דיא ענציקלאָפּעדיע פון בוכפערלאַג „ליכט“ איז ליידער צו שוואָך אַפילו פאַר אַ'ן אָנפאַנג.

דער נאָמען אַליין ציינט אויף אַ געוויסע צוזאַמענמישעכץ און יעדענפאַלס אויף אַ צווייטיגקייט, וועלכע איז ווירקליך זעהר שעדליך ביי דער אויסוואַהל פון ווערטער און ביי דיא ערקלערונגען, וועלכע געוויסע ווערטער פערדיענען נאָך זייער אַלגעמיינער וויכטיגקייט. אויב דיא אַרויסגעבער האָבען געהאַט אין זינען ווירקליך אַ'ן „אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע“, צו וואָס האָבען זיי בעדאַרפט צו שטעלען דעם וואָרט „אידישע?“ ווען מען וואַרפט אַ בליק אויף'ן קעפּיל, מיינט מען, אַז דאָס איז נאָר אַ'ן ענציקלאָפּעדיע וועגען אידען און אַלעם וואָס איז פערבונדען מיט דער געשיכטע פון אידען, וויא צום ביישפּיעל דיא „דזשואיש ענציקלאָפּעדיא“, וואָס ערשיינט אין ניו יאָרק אין דער ענגלישער שפּראַך. אָבער ווען מען בלעטערט דורך דעם ערשטען העפט, זעהט מען, אַז מען האָט צו טהאָן טאַקע מיט אַן אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, נאָר מען גיט אָפּ מעהר פּלאַץ צו אידישע אַנגעלעגענהייטען. נאָר דיא פּראָפּאָרציע ווערט ניט אויסגעהאַלטען, און דאָס ווערק פערלירט דאַרום איינהייטליכקייט.

צום ביישפּיעל, זאָגאַר אויף דער ערשטער זייט געפינען זיך 3 ווערטער, וואָס זיינען גאַנץ איבריג פאַר אַזאַ פערהעלטניסמעסיג קליינע ענציקלאָפּעדיע, וואו דיא ערשטע שטרעבונג דאַרף זיין צו ערשפּאַרען פּלאַץ. דיזע ווערטער געהען גראַדע כסדר, נעמליך: אַ אַ ר (טייך אין דער שווייץ), אַ אַ ר אָ נ ס ב ו ר ג (אַ שטעטעל אין פּענסילווייניאַ, אַמעריקאַ) און אַ אַ ר ג אַ ו (אַ קאַנטאָן אין דער שווייץ). ווען מען זאָל פערצייכענען אַלע אַזעלכע אונבעדייטענדע שטעטלאַך און ערטער, וועט ניט גענוג זיין דער פּלאַץ פון דער גאַנצער ענציקלאָפּעדיע, און מען וועט גאָר ניט קענען שרייבען וועגען וויכטיגע זאַכען, וועלכע דאַרפען פערנעהמען צו עטליכע זייטען.

מיר לעבען דאָ אין אַמעריקאַ, און מיר ווייסען גאָר ניט פון אַאַראָנסבורג, פּענסילווייניאַ. אין דער ענציקלאָפּעדיע וואָלט זיא אויך ניט געהאַט דיא עהרע פערצייכענט צו ווערען, ווען זיא וואָלט ניט געטראָגען דעם נאָמען פון איהר אידישען גרינדער. דאָס ציינט, אַז דיא אַרויסגעבער אָדער רעדאַקטאָרען האָבען דאָ בלויז אין זינען געהאַט דיא אידישע זייט, אָבוואָהל זיא האָט אין דעם פאַל קיין וויכטיגקייט אין אַלגעמיין.

מיר וואָלטען אָנגעוויזען אויף פערשידענע פעהלער, וועלכע מען קען נאָך גאַנץ לייכט פער־

ריכטען אין דיא ווייטערע העפטען, ווען מיר וואָלטען וויסען, אז דיא „צוקונפט“ וועט אָנקו־מען צו דיא ארויסגעבער אין רוסלאנד....

יעדענפאלס וועלען מיר בעמערקען, אז אפילו אזא אידישער וואָרט וויא „אברהם אבינו“ איז זעהר שלעכט ערקלערט. דיא שרייבערס האָבען נאָר איבערגע׳חזר׳ט דיא געשיכטען פון דער ביבעל און גמרא, וואָס יעדער איד וויים, און האָבען, צום ביישפיעל, אפילו מיט איין וואָרט ניט דערמאָנט וועגען דיא נאכפאָרשונגען פון אסיריאָלאָגען און וועגען פראָפ. דעליטש׳ס „בבל און ביבעל“.

פ. ק.

---

## קאָרל קויטסקי׳ס „פריעדריך ענגעלס — זיין לעבען, ווירקען און שריפטען“, ארויסגעגעבען פון „אלגעמיינען אידישען ארבייטער־בונד“ אין זשענעוו, שווייץ.

וועגען דיזען ביכעל קענען מיר אין אלגעמיין זאָגען, אז דיא איבערזעצונג איז לײדער גאָר ניט א גוטע. דער איבערזעצער האָט זיך געהאלטען צו נאָהענט צום דייטשען טעקסט. איבערהויפּט איז עס פיעל שווערער צו איבערזעצען פון דייטש אין זשאַרגאָן, וויא פון אירגענד וועלכער אנדערער שפּראַך, ווייל ניט ווילענדיג פערבלייבען דייטשע־אויסדריקע און ווענדונגען. דיא איבערזעצונג קומט דארום ארוים א דייטשע, וויא פיעל מען זאָל זיך ניט סטאַרען צו שרייבען מאַמע־לשון. נור דער איבערזעצער פון קויטסקי׳ס „פריעדריך ענגעלס“ האָט זיך הפנים גאָר ניט געסטאַרעט צו שרייבען עכט אידיש.

אויסערדעם האָט ער קיינע בעמערקונגען געמאכט וואו מען האָט עס זעהר נויטיג בעדאַרפט האָבען. צום ביישפיעל, ווען קויטסקי רעדט וועגען דעם איינפלוס פון העגעל׳ס פילאָזאָפיע אויף ענגעלס׳ן, דאַרף ער קיינע בעזאָנדערע ערקלערונגען ניט געבען, ווייל יעדער דייטש וויים מעהר אָדער וויניגער עפּעס פון דיזער פילאָזאָפיע. פאר דעם אידישען לעזער איז אָבער אפילו דער נאָמען פון דיזען פילאָזאָף פרעמד. ווען קויטסקי שרייבט: „דיא פראַקטישע און טהעאָרעטישע בילדונג פון פריעדריך ענגעלס האָבען געווירקט, אז העגעל׳ס פילאָזאָפיע איז פאר איהם געוועזען ניט נאָר א דיאלעקטישע קונץ־שטיק, נור א מיטעל צו וויסענשאפטליכע נאָכפאָרשונגען“, אדרעסירט ער עס צו דייטשען, וועלכע זיינען מעהר אָדער וויניג בעקאַנט דערמיט; אין א אידישער איבערזעצונג קלינגט עס אָבער, קען מען זאָגען, טערקיש.

אין אזעלכע פעלע איז דאָס בעסטע, אז דער איבערזעצער זאָל געבען אַ׳ן ערקלערונג אין פּראָסטען מאַמע־לשון, און ווען ער קען עס ניט טאָן, איז גלייכער גאָר אין גאנצען דאָס דורכצולאָזען; זאָנסט איז דיא גאנצע ארבייט ארויסגעוואָרפען.

דיא שטרעבונג פון „בונד“ ארויסצוגעבען בעלעהרענדע ביכלעך פאר דיא אידישע ארבייטער איז נאטירליך אַ׳ן אויסגעצייכענטע; אָבער מיר ראטהען אונזערע גענאָסען מעהר אויפצופאסען אויף, זאָ צו זאגען, דיא „ריינקייט“ פון זשאַרגאָן.

י. ר.

---

## סטרייקס און זייער ניצליכקייט פאַר דיא אַרבייטער, פון דר. ש. פעסקין. ארויסגעגעבען פון דער אינטערנאציאָנאלער לייברערי פובל. קאָ.

וויא מען קען זעהען פון דעם טיטעל, האָט דער פערפאסער זיך געשטעלט דיא אויפגאבע צו בעווייזען דיא ניצליכקייט פון סטרייקס פאר דיא ארבייטער. ליידער האָבען מיר פון דעם ביכעל ניט געקענט ארויסגעפינען, צו זיינען סטרייקס ניצליך צו ניט, צו העלפען זיי דעם ארבייטער צו ניט, צו לוינט זיך צו סטרייקען צו ניט.

„מאנכע מענשען בעהויפּטען, אז יעדער סטרייק איז א געוואונענער, אנדערע ווידער האלטען, אז יעדער סטרייק איז א פערלאָרענער; ביידע אזעלכע אנזיכטען זיינען איבערטריבען“, זאָגט אונז דער פערפאסער, דאכט זיך גוט; דאכט זיך, מיר הערען א בעשטימטע מיינונג, לאָזט ער זיך אָבער אוועק ערקלערען ווארום דיזע ביידע אנזיכטען זיינען איבערטריבען, און פיהרט אויס: „מיר ריידען אָבער נור פון (דעם) שטאנדפונקט פון דיא סטרייקערס אליין, און פיר זיי איז א מאָל א סטרייק וואָס אנבעלאנגט דיא צייט א ריינער פערלוסט אין גאנצען אָדער טהיילווייז.“

מיינט איהר דאָך, אז איהר זייט שוין פערטיג, לאָזט זיך אויס, אז דער פערלוסט פון צייט איז נאָך ניט קיין ראיה, אז דיא ארבייטער האָבען טאקע פערלוירען אין שכירות, ווייל אויב דיא ארבייטער געווינען דעם סטרייק, וועלען זיי

מיט דער צייט אָבמאכען. אין שכירות, וואָס זיי האָבען פערלוירען אין צייט פון סטרייק.

אויב אזוי, טאָ וויא אזוי איז זשע פון דיא „סטרייקערס שטאנדפונקט א סטרייק א ריינער פערלוסט“? וואָס האָבען זיי דאן פערלוירען?

דאָס ביכעלע איז לײדער דורכגעוואָרפען מיט אזעלכע אונלאָגישע שליסע. אָט דאכט זיך, אז סטרייקס זיינען זעהר גוט פאר ארבייטער, און אין א מינוט ארום געפינט איהר אויס פונקט פערקעהרט, און איהר קענט קיין טאָלק ניט דערגעהן.

דאָס איז אָבער ניט דאָס ערגסטע אין דעם ביכעלע. דיא הויפט־צרה איז, וואָס אונזער פערפאסער האָט געוואָלט זיין זעהר אונפארטייאיש, וואָס ער האָט זיך געסטארעט צו שרייבען נור פון דעם זאָגענאנטען טרייד־יוניאָניסטישען שטאנדפונקט, חלילה ניט אריין צו מישען קיין אנדערע אידעע.

מאנכער מענש נעהמט זיך א מאָל אונטער צו פערטהיידיגען א זאך אין וועלכע ער גלויבט אליין ניט. דער רעזולטאט פון אזא אונטערנעהמונג איז און מוז זיין צום שאדען פון ביידע זייטען.

ערקלערענדיג דיא בעדייטונג פון „סטרייק“ און וואָסערע סטרייקס עס גיבט, זאָגט דר. פּעסקין:

„אַ מאָל מיינט מען אויך, ווען מען רעט וועגען אַלגעמיינע סטרייקס אַזאַ סטרייק, ווען אַלע אַרבייטער פון (אַ) לאַנד, פון אַלע מלאכות און אלע פירמעס געהן ארויס אין סטרייק, אַזעלכע סטרייקס האָבען נאָך ניט פּאַסירט, און דיא וואָס ריידען דערפון מיינען אויך דער מיט ניט אויסצופיהרען געוועהנליכע טרייד־יוניאָניסטישע צוועקען, נור סאָציאלע ענדערונגען אין דער געזעלשאַפט, און זיי האָבען דעריבער מיט אונזער ענין (מיט דעם ענין פון סטרייקס) ניט צו טאָן“.

עס וואָלט צו ווייט פיהרען, ווען מען זאָל וועלען דיזע פראגע גרינדליך בעהאנדלען; איין פונקט מוז אָבער ארויסגעהויבען ווערען, ווייל אויף דיזען פונקט דרייט זיך די גאנצע פראגע.

דר. פּעסקין מאכט אן אונטערשיעד צווישען „געוויינליכע טרייד־יוניאָניסטישע צוועקען“ און „סאָציאלע ענדערונגען אין דער געזעלשאפט“. דאָס זעלבע טוען אלע פיור און סימפּלער, דאָס זעלבע טוען אלע דיא, וואָס זוכען צו פערדרייען דעם אַרבייטער א קאָפּ; דאָס זעלבע טוען אלע דיא מיטעלמעסיגע קעפּ, וואָס קענען ניט איינזעהן, אז יעדער סטרייק איז א פערלאנג אויספיהרען „סאָציאלע ענדערונגען אין דער געזעלשאפט“.

וואָס איז א סטרייק?

דר. פּעסקין זאָגט: „אונטער א סטרייק פערשטעהען מיר אַ פאַל, ווען דיא ארבייטער וואַרפען אַלע אַוועק דיא אַרבייט, ווייל דיא באַלעבאַטים לען ניט אָננעהמען אירגענד וועלכע זייערע פאָדערונג, אָדער ווען זיי, דיא אַרבייטער, ווילען ניט אָננעהמען אירגענד וועלכע פאָדערונג פון דיא בעלי בתים“.

אויף פּראָסט אידיש: ווען דיא מייסטערס ווילען ניט צאָהלען דיא שכירות וואָס דיא אַרבייטער פערלאנגען, הערען זיי אויף צו ארבייטען; דאן הייסט עס: זיי סטרייקען. וואָס קומט ווייטער? זיי ווילען ניט ארבייטען, זאָלען זיי געהן געזונטערהייט זוכען אנדערע ארבייט, און דיא באלעבאטים וועלען זיך זוכען אנדערע ארבייטער. דאָס וואָלט געהייסען א ריין טרייד־יוניאָניסטישער סטרייק מיט ריין טרייד־יוניאָניסטישע צוועקען, ווי די קאפּיטאליסטען ווינשען עס, דאן וואָלטען דר. פּעסקין'ס סטאטיסטישע ציפערן, וויפיעל סטרייקס עס ווערען געוואונען און וויפיעל עס ווערען פערלוירען געהאט א גרויסען ווערטה.

וויא לעבערליך אזא סטרייק וואָלט געוועזען און וויא ווייניג אזעלכע סטרייקס וואָלטען געוואונען געוואָרען, קען יעדער לייכט איינזעהן. און דר. פּעסקין, מען קען ניט זאָגען, ווייסט דאָס גאנץ גענוי. ער שרייבט:

„אַ סטרייק קען מען אָנרופען נור דאַן, ווען דיא אַרויסגעגאַנגענע אַרבייטער מיינען ניט אַנדערש וויא זיך צוריק צו קעהרען אין (דער זעלבער) פאבריק.... דיזער אינערליכער גלויבען אין אַ רעכט צו אַרבייטען אין דער זעלבער פאבריק, וואו מען איז אַרויס אין סטרייק און זאָגאַר אויף בעדינגונגען, וועלכע זיי, דיא אַרבייטער, שטעלען אַרויס, איז כאַראַקטעריסטיש פיר יעדען סטרייק, און אָהן דיזען גלויבען איז אייגענטליך דער סטרייק קיין סטרייק ניט“ (זייטע 6).

וואָס מיינט עס דיזער גלויבען צו ארבייטען אין דער זעלבער פאבריק, און נאָך אויף דיא ארבייטער'ס אייגענע בעדינגונגען?

מיר לעבען אין א געזעלשאפט, וואו דאָס רעכט אויף פריוואט אייגענטהום איז דאָס היילינסטע רעכט. א געוויסער מאן האָט א פאבריק, אין וועלכע ער בעשעפטיגט, לאָמיר זאָגען, הונדערט מאן. נאָך דעם געזעץ נאָך, ד. ה. נאָך דיא סאָציאלע איינפיהרונג אין דער קאפּיטאליסטי־

שער געזעלשאפט, האָט דער מאן דאָס פוללע רעכט צו טאָן מיט זיין פאבריק ,וואָס ער וויל. ער קען דיא פאבריק אין גאנצען שליסען, ער קען ארבייטען האלבע טעג, גאנצע טעג; ער קען דאָרט פאבריצירען וואָס ער וויל און בעשעפטיגען וועמען ער וויל און וויא אזוי ער וויל. און אין שיינעם פריהמאָרגען קומען די ארבייטער און זאָגען: „מר. פאבריקאנט, מיר ווילען מעהר פאר דעם פרייז ניט ארבייטען“.‘

„געהט אייך געזונטערהייט“, ענטפערט דער פאבריקאנט, „איהר האָט א פאָלשטענדיגע רעכט ניט צו וועלען ארבייטען, איך וועל זוכען לייטע, וואָס וועלען יא וועלען ארבייטען“.

„אָבער, ניין,“ זאָגען דיא ארבייטער, „איהר האָט אויף דעם ניט קיין רעכט; א רעכט צו ארבייטען אין די פאבריק האָבען נור מיר און קיין אנדערע; און ווען איהר זאָלט אפילו דיא אנדערע בעצאָהלען מעהר פון אונז, האָט איהר זיי ניט קיין רעכט צו בעשעפטיגען און זיי האָבען קיין רעכט צו ארבייטען“.

וואָס מיינט דאָס? וואו האָבען דאָס דיא ארבייטער גענומען דיזעם רעכט? אין וועלכען געזעץ־בוך שטעהט דאָס אזא רעכט? איז דאָס ניט א רעכט, וועלכעס איז דער היפוך פון דיא בעשטעהענדע רעכטע, און מיינט דאן ניט יעדער סטרייק „אויסצופיהרען סאָציאלע ענדערונגען אין דער געזעלשאפט“?

אָבער דאָס איז נאָך ניט אלעס. ווען מען וויל בעהאנדלען דיא סטרייק־פראגע פון א פערנינפטיגען שטאנדפונקט און ניט גלאט נאָכפלוידערן וויא עס שטעהט אין דער מאמעס סידור, מוז מען געהן א טריט ווייטער:

וועלכע אויסזיכטען האָבען דיא ארבייטער צו געווינען אזא „ויכוח“, ווען דער פאבריקאנט איז א גרויסע מיליאָנערסקע קאָמפאניע, וויא דיא קוילען־באראָנען, דיא אייזענבאהן־מאגנאטען אָדער דער שטאָל־טראָסט? וועלכע מיטעל בעזיצען זיי דורכצוזעצען „דיזען אינערליכען גלויבען אין א רעכט צו ארבייטען אין דער זעלבער פאבריק“?

צוויי מיטעל האָבען דיא ארבייטער: ערשטענס, מיט גוטען איבערצורייִדען דיא אנדערע ארבייטער פון דעם פאך ניט צו פערנעהמען זייערע פלעצער, און צווייטענס — ווען דאָס העלפט ניט — דיא רויהע געוואלט, דיא רויהע געוואלט, וועלכע איז אזוי נאטירליך ביי מענשען, וואָס האָבען „א'ן אינערליכען גלויבען“, אז דאָס בעשטעהענדע רעכט איז אונגערעכט, וועלכע זיינען אָבער מאכטלאָז, וויא אונוויסענד, דאָס אונרעכט צו בעזייטיגען. יעדער גרעסערער סטרייק בריינגט דאדורך זעהר אָפט ארויס געוואלדטהאטען. צו אונטערדריקען דיזע געוואלד שטעהט אימער פערטיג שטאאטס־געוואלד, דיא אָרגאניזירטע געוואלד מיט איהר גאנצע אונגעהייערע מאכט, מיט דעם בעשטעהענדען רעכט אויף איהר זייט, און דער רעזולטאט איז בעקאנט — מען דארף גאָר ניט זיין קיין געלעהרטער סטאטיסטיקער. דיא גרעסטע סטרייקס ווערען מיט געוואלד אונטערדריקט און — פערשפיעלט.

דיא ארבייטער דארפען אָבער גאָר ניט בענוטצען קיין געוואלד, אום דיא שטאאטס־מאכט זאָל זיך אריינמישען צואונטערדריקען דעם סטרייק. געגען זייערע פרידליכע מיטעל זיינען דאָ אינדזשאָנקשענס (ריכטערליכע בעפעהלע), וועלכע ווירקען גראדע אזוי גוט, וויא דיא מיליטער מיט זייערע ביקסען.

וואָס'ער ווערטה האָבען דאן אייערע סטאטיסטישע ציפערען? וואָס'ער זין האָט דאָס אויסרעכענען וויפיעל סטרייקס עס ווערן פערלוירען און וויפיל געוואונען? זאָגען אייך עפעס דיזע ציפער, וויפיעל סטרייקס זיינען מיט געוואלד אונטערדריקט געוואָרען? דערציילען זיי אייך עפעס וואָרום דער האָמסטעד סטרייק, דער פולמאן סטרייק, דער אָלבאני סטרייק זיינען פערלוירען געגאנגען? און אויב זיי זאָגען אייך דאָס ניט, און אויב איהר ווילט דאָס ניט אליין בעטראכטען, וויא אזוי ווייסט איהר צו סטרייקס זיינען ניצליך פאר ארבייטער צו ניט?

אונזער פערפאסער שטעלט דיא פראגע ניט אזוי אוועק; ער איז, פערשטעהט איהר מיך, א'ן אונפארטייאישער מענש, ער גלויבט אין „נאָן פאָליטיקס אין דיא יוניאָן“; ער וועט ניט אריינמישען זאכען וואָס האָבען ניט צו טאָן מיט „געוועהנליכע טרייד־יוניאָניסטישע“ צוועקען. פאר דאָס קומט ער טאקי צו פאלשע שליסע.

„אין דיא פרייע לענדער, זאָגט ער, וואו דאָס פאָלק האָט מיטלען זיינע געפיהלע אויסצודריקען, רופט כמעט אימער ארויס אַזאַ סטרייק אין א מיליאָנערסקע פירמא אַ גרויסען רושם אין גאַנצען לאַנד. דיא סימפאטיע איז אַם מייסטען אויף דיא זייט פון דיא אַרבייטער, וויא מיר האָבען עס געזעהען אין דעם לעצטען קוילען־גרעבער סטרייק, טראָטץ דעם וואָס אַלע האָבען צוליעב דעם סטרייק בעדאַרפט צאָהלען פיר זייערע קוילען צוויי מאָל אַזוי פיעל וויא פאַר דעם סטרייק; דיא גרויסע קאָמפאניעס האָבען אָבער זעהר מורא פאר דעם האָס

פון פאלק. זייער גאנצע עקזיסטענץ הענגט אפּ אָן געוויסע געזעצע, און אָן דעם, וויא דיא געזעצע ווערן אויסגעטייטשט און דורכגעפיהרט, און דיא רעגירונג האָט אימערצו א היבשע ביסעל מיטעל, וויא אָנצומאַכען זיי אַלערליי שוויריגקייטען און פּלאָנטערס. דיא רעגירונג ווידער האָט אויך מורא צו פערלירען דיא סימפּאַטיע פון פאָלק, ווייל דאָס פּאָלק דאַרף איהר ערוועהלען. און דאַריבער מישט זיא זיך אויך (אויך?) אריין, ווילענדיג ניט ווי־לענדיג צו גונסטען פון דיא ארבייטער.....

יעדענפאלס זעהן מיר אָבער, אַז דיא הילפע קומט דאָ פון דיא פּאָליטיק, און דיא יוניאָנס נוצען אויס דיא פּאָליטישע לאַגע פון פאָלק, אום צו מאַכען דעם סטרייק ערפאָלגרייך״.

דארף איך אויף דעם אויך מאכען א פירוש? דארף איך בעווייזען, אז דיזער גאנצער מאָנאָלאָג איז גרונד פאלש? דארף איך בעווייזען, אז עס איז פונקט פערקעהרט, אז ניט דיא סטרייקער נוצען אויס דיא פּאָליטיק, נור אז דיא פּ א ָ ל י ט י ש ע נ ס נוצען זיך אויס מיט דיא סטרייקער? דארף איך איבער׳חזר׳ן דיא אוויבענדערמאָנטע פערלוירענע סטרייקס? דארף איך עראינערען דעם סטרייק פון דיא אמעריקאן ריילוויי יוניאָן, ווען קליוולאנד האָט געשיקט סאָלדאטען, זאָגאר געגען דעם ווילען פון גאָווערנאָר אלטגעלד, און דיא ריכטער האָבען געשיקט דעבס׳ן אין תפיסה? דארף איך דערמאָנען קאָלאָראדאָ מיט אלע איהרע שרעקען אין א יאָהר פון פּרעזידענטס־וואהלען?

איך גלויב עס איז ניט נויטיג, אם ווייניגסטען ניט פאר די לעזער פון דער „צוקונפט״.

דיא פראגע וועגען סטרייקס און זייער וויכטיגקייט פאר דיא ארבייטער״ איז זעהר א וויכטיגע, זיא מוז אָבער בעהאנדעלט ווערן אויף א גאנץ אנדער אופן, וויא דר. פעסקין האָט עס געטהאָן.

י״ס.

# צו די בּרענטשעס פון א. ר. און אנדערע ארגאניזאציאנען

גענאָסען און פריינדע פון בילדונג און אויפקלעהרונג!

מיר פערעפענטליכען דאָ א ליסטע פון אלע פּאָרטגעשריטענע אָרגאניזאציאָנען, ברענטשעס פון ארבייטער רינג און אונאבהענגיגע אָרגאניזאציאָנען, וואָס נעהמען קאָפּיעס פיר זייערע מעמבערס. אין דער זעלבער ליסטע איז אויך פערעפענטליכט דיא געלדער, וואָס איז אריינגעקומען פון אָרגאניזאציאָנען פיר קאָפּיעס פון דעם 15טען יולי ביז דעם 15טען אויגוסט.

ברענטש 1, ניו יאָרק —
בר. 2, נ. י. 12.50.
בר. 3, ברוקלין, 3.00.
בר.4,ברוקלין,1.50.
בר. 6, ברוקלין, 4.00.
בר. 7, וו. האָבאָקען, —
בר. 8, נ. י. 3.25
בר. 9, באלטימאָרע 8.25
בר. 10, בעיאָן —
בר. 11, ברוקלין —
בר. 12, פילאדעלפיא —
בר. 13, פּעטערסאָן 20.82
בר. 14, פּראָווידענס, 12.00
בר. 16, סומיט, —
בר. 17, ניו הייווען, 10.26
בר. 19, סיראקיוז, 8.00
בר. 20, נ. י. 1.58
בר. 21, ניובורג —
בר. 22, ניו בריטיין, קאָנג.
בר. 23 נ. י. —
בר. 24 בראָנקס —
בר. 25 ברוקלין —
בר. 26, וואָטערבורי —
בר. 27, ראָטשעסטער —
בר. 28 ניו יאָרק 5.00
בר. 30, פּעטערסאָן, 5.80
בר. 31, לאָרענס —
בר. 32, שיקאגאָ, —
בר. 33 באָסטאָן, 1.00
בר. 34, ספּרינגפיעלד, מאסס.
בר. 35, ניו יאָרק, 1.00
בר. 37, נ. י. 10.00.
בר. 38, נ. י. 95 ס.
בר.39, נ. י. —
בר. 40, נ. י. —
בר. 41, אנסאָניא, 50 ס.
בר. 42 נ. י. 1.25
בר. 43, נ. י. 10.85
בר. 44, נ. י. —
בר. 46, לינן, מאס, —
בר. 47, עליזאבעטה 1.50
בר. 48, ברידזשפּאָרט —
בר. 49 ,נ. י. 1.75
בר. 50, ניו יאָרק 5.00
בר. 51 נ. י. —
בר. 52, נ. י. 1.50
בר. 54, נ. י., 7.10
בר. 55, נ. י. 1.25
בר. 56, 1.00
בר. 58, בראָקטאָן —
בר. 59, האָרטפאָרד —
בר. 60 סט: לואיס —
בר 61, הייווערהיל —
בר. 63 קאנזאס סיטי, 4.50
בר. 64, לינן, מאסס. —
בר. 65, שיקאגאָ -

| | | |
|---|---|---|
| בר. 66, ניו יאָרק 1.00 | בר. 73, קעמדען, — | ״ באָסטאָן — |
| 68, דזשווירזי סיטי — | בר. 74, נ. י. — | ״ בר. פּעטערסאָן — |
| בר. 70, נ.י. — | בר. 75 נ. י. 75 ס. | ״ נוארק 2.50 |
| בר. 72, נ. י. — | בונד ברענטש, באלטימאָרע | ״ בר. ניו הייווען — |

אונאבהענגיגע אָרגאַניזאַציאָנען און לאַנדסלייט פעראייניגען.

| | | |
|---|---|---|
| אפּאַראַטען קלוב. | ווילקאָמירער — | פּראָג. לייברערי, ברוקלין 5.00 |
| יאגוסטאָוועער — | וואָיס אָף לייבאָר — | פּראָג. וואָרקינגמען 3.00 |
| בריסקער 60 ס. | יונג מען עד.ליעג — | פּועלי ציון 1.50 |
| בארים אוועער — | לאָמזער יאָנג מען 2.00 | פּינסקער ראדיקאלען— |
| בוקארעסטער 2.50 | ניקאָלאַיעווער — | פּלאָצקער פּראָג. — |
| בערעזינער — | סאָצ. פּ״פ קלוב, באלטימאָר— | קאָוונער עמיג. אונ. — |
| בוטענער 75 ס. | סלוצקער פּראָג. נ. י. 2.75 | קאלאמעער פריינד 60 ס. |
| גראָדנער 1.00 | סאָצ. ליט. נ. י. 75 ס. | סינסינאטער ברענטש 63 ס. |
| דאלהינאָוועער — | עיווער פּראָג.1.50 | אינטערנאציאָנאלע — |

דיזע ליסטע רעדט פיר זיך אליין און מען דארף צו איהר ניט געבען קיינע קאָמענטארען. דיא ליסטע צייגט אָן 95 אָרגאַניזאַציאָנען וואָס נעהמען קאָפּיעס. אין א משך פון א מאָנאט האָבען 44 אָרגאַניזאַציאָנען אריינגעשיקט געלד אָן ערך פון $171.94. דורכשניטליך האָבען מיר נאָך אין דעם ערך אויסשטעהן ביי זיך 41 אָרגאַניזאַציאָנען האָבען נאָך דיזען מאָנאט גאָר ניט אריינגעשיקט קיין געלד. פון מאנכע קומט פיר 3—4 מאָנאטען, פון מאנכע נור פיר 1 מאָנאט. ס״ה בעטרעפט עס א שעהנע סומע. 10 טעג בעפאָר דיא צוקונפט ערשיינט, מוז בעצאָהלט ווערען פיר דיא אויסגאבען פון דיא „צוקונפט“. אלזאָ, ליבע פריינדע, איהר קענט דערפון גאנץ גוט בעגרייפען דיא שוועריגקייטען און דיא יסורים, וואָס דיא ארויסגעבער האָבען ביי יעדע ארויסגאבע פון „דיא צוקונפט“. דיא צירקולאציאָן האָט זיך אין דאָבעלט פערגרעסערט, דערמיט האָבען זיך פערגרעסערט דיא קאָסטען, און דערמיט האָבען זיך אויך פערמעהרט דיא חובות צו קאָלעקטען. קיין זאפּאסנע געלט האָבען מיר ניט, פרעגט זיך וויא לאנג קען מען זיך אזוי מאטערן? דארום, פריינדע פון „דיא צוקונפט“, אויב דיא „דיא צוקונפט“ איז אייך ליעב און איהר עקזיסטענץ איז אייך טהייער, טאָ זעהט ניט צו פערנאכלעסיגען. שיקט אריין גלייך דיא סומע מעהר אָדער ווייניגער, וואָס קומט פון אייך און „דיא צוקונפט“ וועט זיין געראטעוועט.

מיט פריינדליכען גרוס
מענעדזשמענט „צוקונפט“.

---

דיא פאָלגענדע סובסקרייבער פון דיא „צוקונפט“ זיינען געבעטען אריינצושיקען זייערע ריכטיגע אדרעסען אין אָפיס פון דיא „צוקונפט“, ווייל דיא נומערען זיינען געבליבען אין דיא פּאָסט אָפיסעס דער פאר, ווייל זייערע אדרעסען זיינען ניט ריכטיגע.

פילאַדעלפיא

מר. ע. גרינשטיין, 620 נאָרד 7טע סט.
מר. רולעם, 907 סיגנעל סט.
מר. רעזניקאָף, 1418 אוויאנמא סט.

האַרטפאָרד. קאָננ.

דזש. קאנאל, 21 ווילאַדזש סט.
ס. לעווין, 412 בראָד סט.
וו. גאָלדשטיין, 20—116 ווינדזשאָר סט.

ברוקלין, נ. י.

א. שאַפּירא, 1013 דעקאלב עוו.
י. אראָנטשיק, 116 בראָדוויי.

ראָטשעסטער, ניו יאָרק.

ה. דאָקטאָר, 24 באדען סט.

סקרענטאָן, פּאַ.

מר. שניידער.

נואַרק, נ. דזש.

מ. לייבאָוויטש, 392 ספּרינגפילד עוו.

ניו הייווען, קאָננ.

פּ. בראָנשטיין, 107 אָוק סט.

וועסט האָבאָקען, נ. דזש.

מ. באורמאן, 528 מעין סט.
מ. גאורסקי ״ ״
ל. לעהמאן ״ ״
ס. זעלמאן, 529 אָונעליקא סט.

שיקאַגאָ, איל.

ב. בראָדי, 149 וו. 14טע סט.
מ. קאַטצמאן, 189 וו. 12טע סט.

# די צוקונפט

No. 10 (34) OCTOBER 1904 Volume III

סעמועל דשזאָהנס.



געשטאָרבען דזשולי 12, 1904.

# סטמועל דזשאהנס.

אין אזא לאנד וויא אמעריקא, וואו אפילו דיא בעסטע, דיא פּאַרטשריטליכסטע מענשען זיינען פּאָליטיישענכ. וואָס האָבען קיין בעגריף ניט פון גוט און בייז, וויא אין פּסוק שטעהט: הן האדם היה כאחד ממנו לדעת טוב ורע, ווערט דיא הארץ א ביסעל אויפגעמונטערט ווען מי טרעפט אָן א מאן וויא דער געשאָרבענער שמואל דזשאָנס איז געווען, דער „גאָלדען רול מעיאָר" פון טאָלידאָ (*)

דזשאָנז איז געבאָרען געוואָרען אין ענגלאנד אין 1846 פון אָרעמע עלטערן. ווען ער איז געווען א ברעקעל קינד, זיינען זיינע עלטערן אריבערגעקומען אהער. קיין גרויסע גליקען האָבען זיי אָבער דאָ אויך ניט געפונען, און דער אינגעל איז קיין גאנצע דריי יאָהר ניט געגאנגען אין סקול. ווען ער איז געווען קאם צוועלף יאָהר, איז ער שוין אוועק ארבייטען אין פאבריק. „איך טראָג נאָך אויף מיין לייב עד היום דיא פאָלגען פון צו פריהע ארבייט", האָט ער געשריעבען מיט עטליכע יאָהר צוריק.

ווען ער איז געוואָרען א יאָהר נייינצעהן, איז ער אוועק אין פּענסילווייניא, ארבייטען ביי דיא פּעטראָלעאום קוואלען. פּעטראָלעאום איז דעמאָלט געווען אָקאָרסט ענטדעקט. קיין סטענדארד אָיל קאָמפּאַניע איז דעמאָלט נאָך ניט געווען, קיין גרויסען קאפּיטאל אויף צו גראָבען א ברונים האָט מען ניט געדארפט, מיט א פּאָר הונדערט דאָלאר האָט מען געקענט זיין פאר זיך א בעל הבית. דארום האָט מען שטענדיג געזוכט ארבייטער און געצאָהלט גוטע וויידזשעס. דזשאונז איז אָנגעקומען אין פּענסילווייניא מיט אָ פופצעהן סענט אין פּאקעט; פון

עטליכע יאָהר ארבייט האָט ער אָבגעשפּאָרט גענוג צו ווערן אליין א פּראָדוצענט פון פּעטראָלעום.

עס האָט איהם געגליקט און ער איז רייך געוואָרען. מיט א יאָהר צוועלף צוריק האָט ער געקראָגען א פּאטענט אויף א געצייג, וואָס ווערט גענוצט ביי יענער ארבייט, און האָט געעפענט אין טאָלידאָ א פאבריק צו פּראָדוצירען דיזע געצייג. דאָרטען, דערצעהלט ער, האָט ער צום ערשטען מאָל דערזעהען מיט זיינע אייגענע אויגען דיא ארבייטער־פּראַגע.

דיא מייסטע פון דיא היינטיגע טראָסט־מאגנאטען אין אמעריקא זיינען אויסגעוואקסען פון אָרעמע באָים, אָבער עס איז זיי אזוי לייכט געגאנגען אין לעבען, ווייל זיי האָבען אָנגעוואָרען זייער געוויסען, וויא דער רוסישער שרייבער שטשעדרין זאָגט, אָדער אפשר זיינען זיי גאָר געבאָרען געוואָרען אָהן א געוויסען. דזשאָנז אָבער האָט זיין געוויסען ניט פערלאָרען און ווען ער איז געוואָרען רייך, האָט ער ניט פערגעסען וויא ער איז אמאָל אליין געווען אן אָרעמאן און עס האָט איהם וועה געטהאָן דיא הארץ קוקענדיג אויף דעם דלות פון זיינע ארבייטער.

דער קאפּיטאליסט היינט צו טאָג איז פּונקט אזוי געצוואונגען צו זיין א קאפּיטאליסט, וויא דער ארבייטער איז געצוואונגען צו זיין אן ארבייטער. וואָס קען א קאפּיטאליסט פּערזענליך העלפען צו ענדערן דיא אלגעמיינע לאגע? צוטהיילען זיין קאפּיטאל מיט זיינע ארבייטער? דערמיט וועט ער נאָר מאכען א סך קליינע קאפּיטאליסטען, דעם קאפּיטאליזמוס וועט ער דערמיט ניט פארניכטען. א וויסענשאפטליכער סאָציאליסט, ווען עס טרעפט אז ער איז צוגלייך א קאפּיטאליסט, פארשטעהט דאָס און עסט זיך ניט אָפּעט דיא הארץ; עס זיינען פאראן גאנץ פּראָמינענטע בייזשפּילע אין דער געשיכטע פון דער סאָציאליסטישער בעוועגונג. אָבער אזא דזשאָנז, וואָס ער איז ניט געווען קיין וויסענשאפטליכער, האָט אָבער געהאט פון נאטור א גוטע הארץ, האָט ניט געקענט רוהיג אָנזעהען דיא צרות פון דער ארבייטער־קלאסע; הגם ער האָט ניט געוואוסט פון דער מעהרווערטס־טהעאָריע. ערשטענס, האָט ער

(*) מיט דיא ווערטער "גאָלדען־רול" בעצייכענט מען דעם פּסוק פון יעוואַנגעליום: „בעהאַנדעל דעם אַנדערן אַזוי וויא דו ווילסט מען זאָל דיך בעהאַנדלען". וויא בעוואוסט איז עס איבערגעמאַכט פון הלל'ס ווערטער: „דעלך סני לחברך לא תעביד". (שבת ל"א.)

ערקלערט, אז אין זיין געשעפט זאָל מען ניט קורען וויפיעל דיא ארבייטער קריגען בעצאָהלט אנדערסוואו; דיא ווײדזשעס מוזען זיין גענוג דער ארבייטער זאָל וויניגסטענס קענען מאכען א לעבען. שפּעטער האָט ער אין זיינע פּעטראָלעום ברונימער איינגעפיהרט דעם אכטשטונדרען־טאָג, וואָס אומעטום האָט מען געארבייט צוועלף שטונדען. אין זיין פּעקטאָרי האָט ער געגעבען יעדען ארבייטער א וואָך וואקיישאָן, נאטירליך האָט דער ארבייטער באקומען בעצאָהלט פאר דיא וואָך. ער האָט אָבגעשאפט אין דער פּעקטאָרי דיא געוואוינליכע רולס, וואָס שטעקען אין יעדען ווינקעל אין אלע פּעקטאָריס, און אָנשטאָט אלע רולס האָט ער צוגעשלאָגען דיא „גאָלדענע רול“. זיין פאָרמאן האָט א מאָל ארויסגעהאנגען א סיין: „נאָו העלפּ וואָנטעד“. ווען דזשאָונז האָט עס דערזעהען, האָט ער געהייסען דעם סיין ארונטערנעהמען. „ווען מיר קענען דיא מענשען קיין ארבייט ניט געבען, טו קענען מיר וויניגסטענס זיי אנשטענדיג ענטפּערן“. אין פראָנט פון זיין פּעקטאָרי איז געוועזן א פּוסטער לאט. ער האָט פון דעם לאט געמאכט א קליינעם פּארק פאר זיינע ארבייטער, אלע זונטאג פלעגט דאָרטען שפּילען מוזיק און דיא ארבייטער מיט זייערע קינדער פלעגען אטהמען א ביסעל לופט.

דזשאָונז האָט געזוכט מיט זיינע ארבייטער בעקאנט צו ווערן און מאכען זיי פיהלען, אז זיי זיינען פּונקט אזעלכע מענשען וויא דער באָס. ער פלעגט פאר זיי מאכען פּיקניקס, אויף וועלכע ער פלעגט קומען מיט זיין אייגענע פאמיליע. ער האָט גוט געזונגען, אָפטמאָל פלעגט ער קומען צו זיך אין דעם „גאָלדען רול פּארק“ און פלעגט זינגען אין כאָר מיט זיינע ארבייטער. איינע פון די פּאָפּולערע לידער איז געווען: „צוטהייל דעם טאָג!“ (איבער דעם אכטשטונדען־טאָג), וועלכע ער האָט אליין פערפאסט און זיין פרוי האָט קאָמפּאָנירט דיא מוזיק.

דיא סאָציאלע פראגע האָט ער דערמיט ניט געלייזט און דאָס האָט ער אליין אויך גאנץ גוט געוואוסט, אָבער דאָס כאראקטערעזירט דעם מענשען.

מיט דעם סאָציאליזמוס איז ער צום ערשטען מאָל בעקאנט געוואָרען אין 1897, ווען ער איז שוין געוועזן א מאן פון פופציג יאָהר און אויך געוועזן מעיאָר פון טאָלידאָ; און ער איז באלד געוואָרען א סאָציאליסט. וויסענשאפטליכע מענער האָבען ניט אנערקענט זיין סאָציאליזמוס פאר דיא עכטע זאָרטע; זיין סאָציאליזמוס איז געווען וואָס דער טייץ רופט מיט פעראכטונג: „געפיהלס־סאָציאליזמוס“.

נאָך מיין נארישען שכל אָבער איז דער געפיהלס־סאָציאליזמוס דער סאָציאליזמוס פון דיא אונגעלערנטע מאסען. א מענש קען זיין אן עכט וויסענשאפטליכער סאָציאליסט נאָר דאן, ווען ער איז א וויסענשאפטליכער מאן, און אזעלכע מענשען קען מען אין גאנץ אמעריקא איבערצעהלען אויף דיא פינגער. א געוועהנליכער ארבייטער, וואָס שעפּט זיין גאנצע בילדונג פון צייטונגען און בראָשורען, קען פארשטעהען דיא פּלאטפאָרמע פון דער סאָציאליסטישער פּארטיי, קען זיין א טיף איבערצייגטער סאָציאליסט; דער סאָציאליזמוס איז אָבער פאר איהם דער אידעאל פון גערעכטיגקייט, ניט דער רעזולטאט פון עוואָלוציאָן. און דאָס איז גאָר קיין חסרון ניט; פארקעהרט, ווען איינער ווייס שוין יע, אז דיא ערד דרעהט זיך, איז דאָס נאָך גאָר ניט אזא מצוה.

פאר דזשאָונסען איז דער סאָציאליזמוס געוואָרען א רעליגיאָן און ער האָט זיין קריסטליכע אמונה אויסגעטייטשט אויף א סאָציאליסטישען אופן. יעדען קריסמעס פלעגט ער זיינע ארבייטער געבען א „דיווידענד“ פינף פּראָצענט פון זייער יעהרליכען פאַרדינסט. יעדער פלעגט בעקומען צוזאמען מיט'ן לוין א בריעף, אין וועלכען דזשאָונס פלעגט זיינע ארבייטער ערקלעהרען זיינע פּרינציפּען. פון איין בריעף וועל איך דאָ איבערזעצען א פּאָר שטעלען:

„איך בין אַן אונפּאַרטייאישער סאָציאליסט. סאָציאליזמוס און ברידערליכקייט זיינען פאַר מיר צוויי ווערטער, וואָס האָבען דיזעלבע בעדייטונג. זייט איהר בעריוט דערצו דעם הייניגען קריסטמעס? זייט איהר, דיא סקילד אַרבייטער, בערייט פאַר גלייכהייט מיט אייער ברודער, וואָס איז ניט קיין סקילד אַרבייטער? ווארים דער סאָציאליזמוס קען זיך האַלטען נאָר אויף דעם פונדאַמענט, וועלכער איז אויסגעדריקט אין סען־סימאָנס מאָטטאָ: „פון יעדען איינעם נאָך זיינע פעהיגקייטען, יעדער איינער מוז קריגען, וואָס ער בעדאַרף“. דער אונסקילד אַרבייטער, וועלכער טהוט זיין בעסטעס, טהוט אַלץ וואָס ער קען און האָט אַקוראַט אַזאַ רעכט אויף אַלץ, וואָס ער בעדאַרף, וויא זיין סקילד־ברודער. אונזער האָפנונג איז אין דער פערברייטונג פון אמת, אין ווירקליכער ביל־

דונג, און מיר בעקומען עס אין פערשיעדענע וועגען. דיא גרויסע בעוועגונג צו גונסטען פון מוניציפאל איגענטהום איז איין אויסדרוק פון דעם וואונש נאך פריוהייט. דער זעלבער גייסט, וועלכער שרייט דיא רעגירונג זאל זיין דיא בעל־הבית׳טע איבער אייזענבאהנען, טעלעגראפען, טעלעפאנען און זא ווייטער, איז אן אנדער אויסדרוק פון דעם קאמפף וואס האט צום צוועק איינצופיהרען אייניגקייט, דיא אייניגקייט פון דער גאנצער מענשהייט. דיא פערשיעדענע בעוועגונגען צור פעראייניגונג פון ארבייטער, דיא גרינדונג פון ארבייטער ארגאניזאציאנען, דער וואוקס פון לאדזשעס, דיא אלע בעוועגונגען זיינען נאר צייכען דער צייט, אז דער טאג פון סאציאליזמוס איז נאהענט. דער עולם הויבט אן צו פארשטעהן, אז דער סיסטעם פון קאנקורענציע איז איינגעפאלען; זיי האבען אן צו פיהלען, אז זיי זיינען ברידער און ווילען ניט פייטען איינע די אנדערע; דאס פייטען איז ניט נאר שעדליך פאר מענשליכקייט, אבער פשוט א היזק. אפילו ביזנעס־לייט האבען שוין איינגעזעהען וויא נאריש עס איז און ארגאניזירען זיך היינט אין טראסטס און קארפאריישאנס. אמת, זייער מאטיוו איז אן עגאאיסטישער, אבער זיי העלפען לערנען דעם גרויסען לעסאן. דיא וועלט הויבט אן צו פערשטעהן, דאס מיר קענען האבען רייכטהום פאר אלעמען... עס וועט נאך וואהרשיינליך נעהמען א לאנגע צייט אין דער צוקונפט איידער דער סיסטעם פון לאהן־שקלאפעריי וועט אפגעשאפט ווערן. דער געדאנקען, אז אן אינדיווידיום מוז געפיהרט ווערן צוליעב פראפיט, מוז אויסגעמעקט ווערן איידער יענער טאג וועט קומען. אבער וויא ווייט פון אונז אזא צושטאנד מעג זיך זיין, דאס איז דער אידעאל, צו וועלכען מיר שטרעבען".

נאטירליך, האט מען אין טאלידא באלד אנגעהויבען צו ריידען וועגען דעם מאדנעם מענשען. אין פאליטיקס האט ער זיך ניט געמישט. ער פלעגט אבער שטענדיג שטימען פאר דעם רעפובליקאנער טיקעט. אין 1897 האט די רעפובליקאנער פארטיי זיך ניט געקענט אייניגען אויף א קאנדידאט פאר מעיאר. עס איז געוועזן א ביטערער קאמפף צווישען רעפובליקאנער און דעמאקראטען און דיא רעפובליקאנער מאשין האט נייטיג געהאט א קאנדידאט, וואס זאל בעקאנט זיין אלס עהרליכער מאן. איינער פון דזשאונס׳עס פריינד האט איהם פארגעשלאגען אלס קאנדידאט, און ביידע קליקעס פון דיא רעפובליקאנער פאליטישענס האבען זיך אויף איהם פעראייניגט.

ווען דזשאונס איז ערוועהלט געווארען אלס מעיאר איז ער נאך ניט געוועזן קיין סאציאליסט. ווען דעבס האט ארגאניזירט דיא סאשאל־דעמאקראסי אוו אמעריקא, דיא ס. ד. א., האט זיך דזשאונז אויך אנגעשלאסען אן דער טאלידא׳ר ברענטש. נאך דעם ספליט אבער אין שיקאגא, אין 1898, האט ער זיך ניט אנגעשלאסען אן דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, ווייל ער האט שוין דעמאלט פארלארען דעם גלויבען אין פאליטישע פארטייען. אבער זינט ער איז געווארען א סאציאליסט, האט ער בענוצט יעדע געלעגענהייט צו מאכען פראפאגאנדא פאר דעם סאציאליזמוס, און זיין שטימע האט געקלונגען איבערן גאנצען לאנד.

איך וויל דא איבערגעבען אייניגע שטעלען פון א רעדע, וועלכע ער האט געהאלטען אין דעטראיט ביי דער קאנווענשאן פון דער „ליג אוו אמעריקאן מיוניסיפאליטיס“ (א. פעראיין פון דיא מעיארס פון גרויסע שטעדט), דעם 5טען אויגוסט, 1898. זיין טהעמא איז געווען: „וואס זאל דיא שטאדט האבען איהר אייגענס?“

„זעלבסטזוכט זוכט מיט יעטווידען. מיטעל, וואס מי קען זיך נור פארשטעלען, ניט צו דערלאזען דאס פאלק זאל נעמען וואס בעלאנגט צום פאלק, אבער מיר קומען געשווינד צו אזא צייט, ווען ניט בלויז א טהעאריע, נאר דיא געשיכטע אליין וועט קומען אונז צו הילפע. עפענטליכעס אייגענטהום (פאבליק־אונערשיפ) איז נאר אן אנדער נאמען פאר קאאפעריישאן. אין ענגלאנד און אין יוראפ, וואו זיי זיינען עלטער פאר אונז, האט מען שוין אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז דיא טובה פון דעם יחיד קען פערזיכערט ווערן נאר ווען ער זוכט דיא טובה פון דעם גאנצען עולם. ווען גלאזגא, לידז און פלימוטה האבען אנגענומען שטאדטישע אייגענטהום פון סטריט־קארס, האבען זיי פארבעסערט דיא איינריכטונג, ביליגער געמאכט דעם פרייז, קירצער געמאכט דיא ארבייטס־שטונדען און געהעכערט דיא וויידזשעס. יעדע שטאדט, וועלכע נעהמט אויף זיך עפענטליכע ארבייטען, וואס דער גאנצער עולם בענוצט, פיהרט איין טעגליכע ארבייט אנשטאט דעם קאנטראקט־סיסטעם, קריגט דאדורך דיא ארבייט בעסער געמאכט, צאהלט בעסערע וויידזשעס, פערקירצט געוועהנליך דיא ארבייטס־שטונדען, און מאכט דערביי ניט

נאָר געלט, אָבער עפּעס וואָס איז פיעל וויכטיגער פאר געלט: זיא מאכט מענשען.

„דאָס דער קאָנקורענץ־סיסטעם איז ניט אים שטאנד צו געבען יעדען מענשען, וואָס וויל ארבייטען, א געלעגענהייט צו מאכען א לעבען, איז יעצט אנערקענט פון אלע דענקענדע מענשען, און פּאטריאָטישע לייט שטרעבען איבעראל צו א פערבעסערטער סאָציאלער אָרדנונג, וואָס אַנשטאָט צו פערניכטען מאסען, כדי דערמיט אויפצוהויבען א קליינעם צאָהל מענשען, וועט געפינען א פּלאן ווי אזוי אלע וואָס ווילען ארבייטען, זאָלען לעבען וויא עס פּאסט פאר בירגער מיט זעלבסט־רעספּעקט אין א רעפּובליק פון גלייכע מענשען.....

„דער עולם הויבט אָן צו פערשטעהן, אז דיא קוועלע פון יעדען רייכטהום איז ארבייט, שווערע שוויציגע ארבייט. און ווען מען פערשטעהט דאָס, דעמאָלט ווערט קלאָר, אז יענע, וואָס ארבייטען ניט, פּראָדוצירען ניט קיין רייכטהום; דיא אלע פיין־געשפּונענע טהעאָריעס וועגען קאָפּ־ארבייט און קאפּיטאל קענען דאָס ניט אָפּלייקענען. מען הויבט אָן איינצוזעהען, אז דיא „קעפּטענס פון אינדוסטריע (*) האָבען אזוי געשיקט פערזאָרגט זיך, דאָס דיא ארבייטער, וואָס פּראָדוצירען דעם גאנצען רייכטהום, האָבען היינט־צוטאָג ניט נאָר קיין געהעריגען חלק דערפון, נאָר א סך פון זיי האָבען אפילו קיין פּלאץ ניט, וואו צו שטעהן אויף דער ערד. אומעטום אין דעם גרויסען לאנד פון אונפערגלייכבארען רייכטהום, געפינט איהר מענשען, פלייסיגע, אָרענטליכע מענשען, וואָס ווילען ארבייטען, זיינען אָבער געצוואונגען צו טרעמפּען ליידיג און צו בעטען, ניט א חלק פון דעם רייכטהום, וואָס זייערע הענד האָבען פּראָדוצירט, נאָר דיא לאסקע מען זאָל זיי לאָזען ארבייטען כדי זיי זאָלען נאָך מעהרער צולייגען צו דעם רייכטהום, וואָס זיי קענען ניט געניסען, און דאדורך זאָלען זיי און זייערע עופה׳לאך קריגען א שטיקעל ברויט און ניט שטארבען פאר הונגער....

„בעטלען אָן ערלויבניס צו האָרעווען איז ניט קיין נייער געשעפט. דאָס איז אָבער געגען יעדען גערעכטען בעגריף פון דעמאָקראטי און ברידערליכקייט, און פּאסט זיך ניט מיט דעם, איז מיר זיינען כלומרשט א רעפּובליק פון גלייכע מענשען.....

„דיא גרויסע פראגע, וועלכע דרינגט אין פאָרדערגרונד אין דעם לאנד איז דיא פאָלגענדע: „צו זאָל דיא שטאָדט זיין איהר אייגענע בעל הבית׳טע, אָדער זאָל זי געהערען צו פּריוואט־פּערזאָנען? זאָלען דער טעלעגראף און דיא אייזענבאהנען בעלאנגען צו דער רעגירונג, אָדער זאָל דיא רעגירונג בעלאנגען צו יענע קאָרפּאָריישאָנס? דיא געפאהר פאר אונזער רעגירונגס־אָרדנונג איז ניט פון יענע קלאסען, וועלכע מען רופט געוועהנליך געזעץ־ברעכער, דיא געפאהר ליגט אין דער געזעצלאָזיגקייט פון קאפּיטאל, און דער אנארכיע פון דיא קאָרפּאָריישאָנס, און דיא פראגע, אויף וועלכע דער אמעריקאנער פאָלק וועט אין קורצען מוזען געבען אָן אויסדריקליכע אנטוואָרט, איז: צו קען מען מאכען עס זאָל זיין א געזעץ פאר דעם קאפּיטאל?....

„איך גלויב דיא צייט איז נאָהענט, ווען מיר וועלען איינזעהען, אז דלות מאכט שיכורים גיכער איידער דאָס שיכור׳ן איז דיא אורזאכע פון דלות. און אויב מיר וועלען פאָרטזעצען אונזערע אונטערזוכונגען אויף א לאָגישען וועג, וועלען מיר געפינען, אז דער בעטלער געהערט צו איין פּאָר מיט דעם מיליאָנער, און דערפון קען מען זיך ניט אויסדרעהען: אויב מיר ווילען האָבען מיליאָנערען, מוזען מיר האָבען בעטלער.....

„דיא צייט פאָרדערט פון אונז אלס פאָרשטעהער פון דיא אמעריקאנער שטעדט, אז מיר זאָלען זיך שטעלען דיא אויפגאבע אזוי צו פאראנדערן אונזער סיסטעם, אז דורך קהל׳שען אייגענטהום זאָל דער פאָלקסרייכטום אומגעקערט ווערען צו יענע, וועלכע האָבען איהם געשאפען. איך גלויב, אז עס איז נויטיגער פאר אלצדינג דאָס פאָלק זאָל אויפגעקלערט ווערען איבער קאָאָפּעריישאָן אין דער געזעלשאפטליכער ארבייט.

„ארבייטער־טראָבלס וועלען נעהמען אָן ענד אין אונזער ציוויליזאציאָן, ווען עס וועט אויפגעהן דיא זון פון קהל׳שען אייגענטהום. האָט ווער געהערט פון א סטרייק אין דעם פּאָסט־אָפיס? מיר האָבען אָבער אלע ווילע סטרייקס אויף דיא סטריט־קארס, ביי דיא געז־קאָמפּאניעס, אויף דיא אייזענבאהנען, איבערהויפּט סטרייקס פון אלערליי ארבייטער, וועלכע דינען ביי א פּריוואט־פּערזאָן. אָבער וואו דאָס

(*) דער אויסדרוק שטאַמט פון קאַרנעגיע׳ן; מיט דעם נאָמען בעצייכענט ער דיא קאַפּיטאַליסטען.

פאָלק בעדיענט זיך אליין, דורך קהל'שע אייגענטהום, ווייס דאָס פאָלק, וויא מען דאַרף זיך מיט לייטען בעגעהן; דערפאר האָבען מיר אנשטענדיגע בעדינגונגען פאר דיא ארבייטער, מיר האָבען ווידזשעס וואָס מען קען פון זיי מאכען א לעבען".

דיזע רעדע האָט דזשאָנס געהאלטען פאר א פערזאמלונג פון מעיאָרס, וואָס זיינען כמעט אלע עלעקטעד געוואָרען אלס פערטרעטער פון קאפּיטאליסטישע אינטערעסען.

וואָס איז דיא פּעולה דערפון? וועט איהר זאָגען — האָט ער זיי מיט זיין רעדע איבערצייגט? דיא פּעולה איז דיא זעלבע, וויא ווען דיא ערשטע דייטשע סאָציאליסטישע דעפּוטאַטען האָבען געהאלטען רעדען אין רייכסטאג: זיי האָבען גערעדט איבער דיא קעפּ פון דעם רייכסטאג צו דעם גאנצען פאָלק. דזשאָנז האָט אָבער אויך זעהר אָפט גערעדט פאר ארבייטער-פערזאמלונגען. איך וועל אייך געבען אן אויסצוג פון זיינער א רעדע ביי אן ארבייטער-פערזאמלונג אין סינסינעטי, דעם 19טען מיי, 1899:

„איך וויל אייך אויפמערקזאם מאכען אויף דעם באנקראָט פון דעם סיסטעם פון פריוואט-אייגענטהום אין דער פערוואלטונג פון דיא קוילען-גרובען פון דיזען לאנד. ווען איהר וויגט בעווייזע, קוקט אויף הייזעלטאָן, וואו דרייסיג אונבעוואפענטע מענשען זיינען פאר-א-יאָהרען דערשאָסען געוואָרען, וועהרענד זיי זיינען פרידליך געגאנגען איבערן גאס. קוקט אויף ווערדען, איילינאָאיז, וואו דרייצעהן מענער האָבען אויפגעאָפּפערט זייערע לעבענס אין א פערזוך צו קריגען ארבייט און צו מאכען א לעבען. הערט זיך צו צו דעם פאטעטישען וויינען פון דיא ווייבער און קינדער פון זעקס הונדערט מיינערס אין דער שטעדטעל דזשאבז (*) אין אונזער סטייט אָהייאָ, וועלכע האָבען אין פינף מאָנאטען געהאט כך הכל צוויי און צוואנציג טעג ארבייט. קענען דיא לייט זיין פאטריאָטיש? קענען זיי זינגען: „מיין לאנד, מיין זיסע לאנד פון פרייהייט"? פרייהייט? וואָס'ערע פרייהייט? צו עקזיסטירען פון דארע ברויט און צו לעבען וויא א הונט! איך קען ניט איינזעהן קיין אנדער סעטלעמענט פון דיא שטענדיגע טראָבלס אין דיא קוילען-גרובען סיידען דיא רעגיערונג זאָל זיין דיא בעל-הבית'טע איבער אלע קוילען-גרובען און זאָל זיי פערוואלטען פאר דעם בענעפיט פון דעם גאנצען פאָלק....

„איך האָב דערלעבט צו זעהען, אז דער סאָציאליזמוס איז א רעספּעקטאבלער וואָרט און א סאָציאליסט איז א רעספּעקטאבלע פּערזאָן. איך גלויב, אז דיא לייזונג פון דער סאָציאלער פראַגע ליגט אין קהל'שען אייגענטהום".

אין אינטערוויוס און צייטונגס-ארטיקלען, וועלכע זיינען ערשינען אין אזעלכע וויַיט-פערברייטעטע צייטונגען וויא דער „ניו יאָרק דזשורנאל" און דער „שיקאגאָ רעקאָרד", האָט דזשאָנז פריהער פאר ווילשייערן אויפגעשטעלט דיא פאָדערונג, אז דיא טראָסטס זאָלען איבערגענומען ווערען פון דעם גאנצען פאָלק. דיא אסאָסיאייטעד פרעס, וועלכע ליפערט דעפּעשען פאר אלע גרויסע טעגליכע צייטונגען אין אמעריקא, האָט דעם 20טען דזשון, 1899, איבערגעגעבען דעם פאָלגענדען אינטערוויו מיט דזשאָנז'ען:

„איך זעה אין דעם וואוקס פון דיא טראָסטס א צייכען פון א וואקסענדער בעוועגונג אין דער ריכטונג פון קאָלעקטיוויזמוס. דער טראָסט איז דיא אמעריקאנער ברודערשאפט לימיטעד (דאָס הייסט א פריוואט קאָמפאניע). דער טראָסט גרייט צו דעם וועג, ער ווייזט דער געזעלשאפט דיא מעלות פון אסאָסיאיישען אין אינדוסטריע, אין פּראָדוקציאָן אזוי וויא אין פערטהיילונג.... דער טריאומפף פון די טראָסטס איז א פאָרטשריטליכע עקאָנאָמישע ענטוויקלונג, און עס איז אונזער אויפגאבע ניט צו פערניכטען זיי, נאָר צו בענוצען זיי צום וואָהל און בעסטען פון דעם גאנצען פאָלק.... מיר מוזען אויסמעקען דעם וואָרט „לימיטעד" פון דער גרויסער אמעריקאנער ברודערשאפט און מיר מוזען ווערן די אייגענטהימער און פערוואלטער פון דעם טראָסט צו גונסטען פון דעם גאנצען פאָלק, אזוי וויא מיר אייגענען און פערוואלטען היינט דעם פּאָסט-אָפיס-טראָסט. דער פּראָפיט, וועלכען דיא טראָסטס מאכען, געהערט צו דער געזעלשאפט.... דיא בעוועגונג צו גונסטען פון מוניציפאל אייגענטהום, פון קהל'שען אייגענהוטם, פון יעדער ארט קאָאָפּעריישאָן, ווייזט דעם וועג, דורך וועלכען דער פאָלק וועט קריגען זיין אייגענס. ווען דער פאָלק וועט ווערן פאָלשטענדיג אויפגעקלעהרט, וועט ער איינפאך צוריקנעהמען אויף א רעגעלמעסיגען וועג זיין אייגענס, וואָס איז ארויס פון זיינע הענט און געוואָרען פריוואט-אייגענטהום. דער פאָלק וועט

(*) דיא שטעדטעל רופט זיך „דזשאבז".

האָבען און פיהרען זיין אייגענעם טראָסט, דער נאָמען פון דעם טראָסט וועט זיין „דהי קאָאָפּעריטיוו קאָמאָנוועלטה“.

אזוי האָט גערעדט סעמיועל דזשאָנז, און ווען דאָס איז ניט סאָציאַליזמוס, דאן ווייסט איהר אליין, ליבע פריינדע, ניט, וואָס איז סאָציאַליזמוס. אין פראנקרייך וואָלט ער אלגעמיין אנערקענט געוואָרען פאר אן אונאבעהנגיגען סאָציאַליסט, און מען וואָלט איהם אפּלאָדירט, ווי א דזשאָרעס'ען. דאָ, אין אמעריקא, האָט מען א מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי, דאָקטאָר פייל, אויפגעפאָדערט ער זאָל רעזיגנירען פון דער פּארטיי, ווייל ער האָט אָנגענומען אן אונבעצאָהלטען אמט אלס סקול־טראָסטי פון דעם „קאפּיטאליסטישען“ מעיאָר סעמיועל דזשאָנז! „אָ, היילִיגע איינפאלט!“ (ווי יאָהאַן גוס האָט געזאָגט.)

יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי.

(שלום פאָלגט).

# דאס שעהנע בלייבט.

איך ווייס ניט וויא דיא וועלט וועט אויסזעהן שפּעטער,
צו וועלכען ראַנג עס וועט דער מענש איהר ברייגנגען,
איך ווייס נאָר, אַז דער בוים וועט טראָגען בלעטער,
דיא בלומען וועלען בליהען, פעגעל זינגען.

אין הימעל וועלען גלימצערען דיא שטערען,
דער מאָנד וועט זיס מאַכען דיא נעכט דיא טריבע,
און טיעף אין האַרץ וועט קיינמאָל זיך פערצעהרען
דער געטליך ריינער פלאַם פון וואַהרע ליעבע.

דאָס אַלץ, מיין זעעלע, אַלץ וואָס דו קענסט וויסען,
וואָס דו האָסט ליעב, דאָסוועט קיין מאכט צושטערען.
און וואָס דו קענסט, דאָס אלץ זאָלסטו געניסען,
דען שענער וועט דאס לעבען מעהר ניט ווערען.

אין דער נאַטור געפינסטו דיין פערלאַנגען,
און אין דער ליעבע — דיינע בעסטע פריידען.
דו קענסט דעם העכסטען הימעל נאָר דערלאַנגען
געניסענדיג דיא הערליכקייט פון ביידען.

מ. ר.

# די טעראָריסטישע בעוועגונג

## און די פּאַרטיי „סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען“ אין רוסלאַנד.

„אין קאַמפּף וועסטו דיין רעכט ערייַרבען.“

געדיינקט איהר די ווערטער פון יענער טרויער־ליעד און אויך האָפנונגס־ליעד, פון יענע ליעד פון קאַמפּף, מיט וועלכע די נאַראָדאָוואָלצעס פון אַמאָליגע יאָהרען פלעגען בעגלייטען צו אייביגער רוה זייערן א קאַמעראַד, וואָס איז געפאַלען אין קאַמפּף פאַר פרייהייט און רעכט?

„עס וועט קומען די געבענשטע צייט,
ווען פון אונזער געביין
וועט אויפשטעהן א מעכטיגער ראַכע־נעהמער
און שטאַרקער פון אונז וועט ער זיין!“

וויא א טרויער־מאַרש האָט געקלונגען דיזע ליעד, ווען זיא איז געזונגען געוואָרען פון די אַלטע רעוואָלוציאָנערען, אָבער אויך וויא א נבואה, וויא אן אויפמונטערונג און בעגייסטערונג פאַר די פערבליבענע, פאָרטצוזעצען די אייביגע מלחמה פאַר א בעסערע וועלט.

נאָך די בראַווע קעמפּפע פון דער „נאַראָדנאַיא וואָליא“, וועלכע האָבען געענדיגט זיך מיט דעם פּראָצעס פון הערמאַן לאָפּאַטין, זיינען אָנגעקומען צייטען פון שטיל־שטאַנד אין דער רוסישער בעוועגונג. און ווער עס האָט דורכגעלעבט די צייטען פון דעם דריטען אלעקסאַנדער׳ס הערשאַפט אין רוסלאַנד, יענער געדענקט, וואָס פאַר א גייסט פון פּעסימיזמוס עס האָט געשוועבט איבער די קעפּ פון דער רוסישער יוגענד, אַז עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, דאָס אַלע בראַווע קעמפּפע זיינען געוועזן אומזיסט און דאָס אָהן א סליאַד זיינען פערשוואונדען די אָפּפער פון דער גייסטרייכער און העלדישער רוסישער יוגענד פון די נאַראָדאָוואָלטשעסקע צייטען.

אָבער אַזוי האָט זיך נור געקענט דוכטען דעם קורצזיכטיגען. עס קענען ניט אַוועק אומזיסט אַזעלכע גייסטיגע קרעפטען, וועלכע זיינען פאַרוועגדעט געוואָרען אין קאַמפּף און עס קענען ניט אָבגעווישט ווערען אין דער געשיכטע און פערשווינדען אָהן א סליאַד די שטרעבונגען פון אָפּפערוויליגע יונגע גבורים, וועלכע האָבען אַזוי עהרליך אַוועקגעגעבען זייער לעבען אין קאַמפּף פאַר א פרייערע וועלט. ניט אומזיסט זיינען געוועזן די אָפּפער, ניט פערניכטעט זיינען געוואָרען יענע שטרעבונגען. די סאָציאַליסטישע געדאַנקען, וועלכע זיינען פערזייט געוואָרען, די אידעען פון פרייהייט, וועלכע זיינען געפּרעדיגט געוואָרען, די העלדען־קעמפּפע, וועלכע זיינען געפיהרט געוואָרען, זיינען ניט פערלאָרען געגאַנגען. א שטילע ארבייט איז אָנגעגאַנגען נאָך דעם וויא די העלדען פון דער „נאַראָדנאַיא וואָליא“ זיינען אראָפּ פון דער פּאָליטישער סצענע.

דער קאַפּיטאַליזמוס האָט זיך אין די לעצטע פּאָר צעהנדליג יאָהר אָנגעהויבען שטאַרק צו ענטוויקלען אין רוסלאַנד, עהנליך צו די איבעריגע לענדער פון וועסט־איירָאָפּא; אין די שטעדט איז ענטשטאַנען א בעפעלקערונג פון פאַבריק־ארבייטער; די מיטלען אין קאַמפּף פון ארבייט געגען קאַפּיטאַל, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרען פון דער ארבייטער־מאַסע אין אַלע לענדער, האָבען זיך צוגעפּאַסט אויך צו רוסלאַנד און האָבען געמוזט אריינדרינגען דורך די אומשטענדען אליין אין דעם צאַר׳ס מדינה. דיזע מיטלען זיינען פון ציעל־בעוואוסטע ארבייטער און סאָציאַליסטען געפּרעדיגט געוואָרען אין דער שטיל און מיט די שרעקליכסטע שווערקייט. אָבער זיי האָבען זיך פערברייט אין אַלע פלעצער, וואו עס איז נאָר דאָ א שטאָדטישע פאַבריטשנע ארבייטער־מאַסע. ארבייטער האָבען זיך פערבונדען, סטרייקס זיינען ארויסגערופען געוואָרען, און עס האָט זיך ענטוויקעלט אין די ארבייטער דורך דעם אונפערמיידליכען קאַמפּף און דורך דער פּראָפּאַגאַנדא דאָס, וואָס מען איז געוועהנט צו בעצייכענען אַלס קלאַסען־געפיהל אָדער קלאַסען־בעוואוסטזיין.

אין דער זעלבער צייט איז אָנגעגאַנגען א שטארקע פּאָלעמיק אין דער רוסישער ליטעראַטור. דיא פּ״אגע, אויב רוסלאַנד מוז דורכמאַכען אלע שטופען פון ענטוויקלונג אויף דעם זעלבען אופן וויא עס זיינען דורכגעגאנגען דיא איבעריגע לענדער פון אייראָפּא, אָדער, צו פערדאנקען איה־ע בעזונדערע אייגענשאפטען, קען זיא דורכמאכען דיא זעלביגע ענטוויקלונג שנעלער און אויף אן אנדער שטייגער; דיא פראגע, אויב רוסלאַנד אלס א לאַנד פון אגריקולטור, וואו 90 פּראָצענט פון דער ארבייטענדער בעפעלקערונג זיינען לאַנד־ארבייטער, בויערן, קען ערלייזט ווערן דורך דעם קאמפּף פון דעם פאַבריק־ארבייטער בלויז, און אויב עס קען זיך דאָרט ענטוויקלען דער קאפּיטאליזמוס וויא אין דיא אינדוסטריעלע לענדער, אז דיא לאַנד־בעפעלקערונג זאָל זיך פערוואנדלען אין שטאָדטישען פאבריק־פּראָלעטאריאַט אָדער ארבייטער־פּראָלעטאריאט; די פראגע, אויב די עקאָנאָמישע אומשטענדען זיינען ווירקענדער אין דער מענשליכער געשיכטע פון ענטוויקלונג, אָדער אידעען שפּילען די בעדייטענדסטע ראָלע אין דיזער געשיכטע; דיא פראגע, אויב דער גליק פון דעם איינצעלנעם און זיין אונאבהענגיגקייט איז דער צוועק פון מענשליכען שטרעבען אָדער דער כלל געזעלשאפט איז דער הויפּט־צוועק; און נאָך הונדערטע פראגען, וועלכע זיינען שייך צו דיזע; פראגען פילאָזאָפישע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, כאָציאלע און היסטאָרישע זיינען בעהאנדעלט געוואָרען אויף דעם ברייטעסטען אופן אין דיא ערנסטע זשורנאלען. א שארפע פּאָלעמיק איז געפיהרט געוואָרען פון אזעלכע גייסטרייכע שריפטשטעלער וויא מיכאילאָווסקי, קארעיעוו, ניקאָלאי אָן, פּעטער סטרואווע און פיעלע אנדערע. עס האָבען זיך צוטהיילט דיא נאראָדניקעס אויף איין זייט און דיא אָרטהאָדאָקסישע מארקסיסטען, און דערנאָך אויף דיא נעאָ־מארקסיסטען, אויף דער אנדער זייט. א בעלעהרענדע ליטעראטור איז אזוי בעשאפען געוואָרען, וועלכע האָט געגעבען דיא גייסטיגע נאהרונג פאר דיא מוחות פון דער געבילדעטער יוגענד.

דיא כאָציאליסטישע ליטעראטור און דיא בעוועגונג אין דיא איבעריגע לענ״ער האָבען אונפערמיידליך געמוזט אין דער זעלבער צייט ווירקען אויך אויף רוסלאַנד. עס זיינען אוועקגעגאנגען יאָהרען אין דיזער שטילער ארבייט, וועלכע האָט וואָס ווייטער, ווייטער אלץ מעהר געמוזט אויפהערען שטיל צו זיין. אין דיזער צייט איז אויפגעטהאָן געוואָרען פיעל אָרגאניזירונגס־ארבייט. עס האָבען זיך געגרינדעט די שטארקע רוסישע כאָציאל־דעמאָקראטיע, דיא פּויילישע פּארטיי און דער בעריהמטער אידישער „בונד"; אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל האָבען זיך פערבונדען ארבייטער און געלערנטע זיך צו בעוועגען, ביז עס איז מיט איין מאָל ענטשטאנען פון דיזע אומשטענדען אליין א פאָדערונג פיר א ברייטערע, אָפענערע, ווייטערע טהעטיגקייט, א מעהר רעוואָלוציאָנערע, וועלכע זאָל ניט בלייבען פערשלאָסען אין ענגע רעמלעך.

און אין דער צייט, ווען דיזע אינערליכע ענטוויקלונג איז אָנגעגאנגען און האָט זיך אלץ שטארקער און אלץ ווייטער פערברייטעט, איז דער אינערליכער פּאָליטישער צושטאנד פון רוסלאַנד ניט נאָר געבליבען דער זעלביגער, נור האָט זיך נאָך פערערגערט, ווייל ער האָט אויפגעהערט אין גאנצען צו קענען זיין מעגליך נאָך דיא נייע אומשטענדען; דיא אומשטענדען האָבען פּשוט איבערגעלעבט דיא פּאָליטישע הערשאפט. דיא רעגירונג פון דעם דריטען אלעקסאנדער און פון דעם צווייטען ניקאָלאי האָט דארום אָנגעווענדעט דיא שטרענגסטע קרעפטען אונמעגליך צו מאכען דיא ענטוויקלונג פון רוסלאַנד. זעהענדיג, אז דער אבסאָלוטער מאָנארכיזמוס איז אין געפאהר, האָבען דיא מיניסטאָרען געזוכט דורך אזא גוואלד איהם אויפצוהאלטען, אז עס זאָל פערשווינדען אין דיא געדאנקען פון דיא געבילדעטערע קלאסען יעדע האָפנונג אויף וועלכע עס איז רעפאָרמען, אז עס זאָלען אויסגעוואָרצעלט ווערן דיא אידעען, וועלכע זיינען געזעעט געוואָרען פון דיא אלטע קעמפּפער פון דיא 70־ער און 80־ער יאָהרען.

פון אזא צוזאמענשטויס פון דיא ענטוויקעלטע אומשטענדען מיט דער עקסטרימער רעאקציאָן פון דער רעגירונג האָט געמוזט ענטשטעהן א בענייטע רעוואָלוציאָנערע טהעטיגקייט. דיא טראדיציעס פון דער „נאראָדנאיא וואָליא" מיט זייער שארפען רעוואָלוציאָנערען גייסט האָבען זיך אָבגערופען ווידער אין דיא הערצער פון דער שטודירענדער יוגענד; דיא פערבליבענע, אונטערדריקטע קעמפּפער פון דיא פריהערדיגע יאָהרען האָבען אין זיך דערפיהלט נייע כוחות און האָבען דערזעהען, אז זיי זיינען ניט אליין, אז עס איז שוין צייטיג געוואָרען א בעוואוסטע ארבייטער־מאכע, אז דאָס פּאָלק

אליין איז שוין ניט דאָס, וואָס געווען מיט א פּאָר צעהנדליג יאָהר צוריק. אז דיא בויערן זיינען ביז א געוויסען גראד אויך ניט דיא אונ־בעוועגליכע מאסע פון דיא אמאָליגע יאָהרען, אז מעהר אויערן הערען זיך צו, מעהר מוחות דענ־קען און מעהר הערצער פיהלען. און עס האָבען זיך געגרינדעט ריין רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאַ־ציאָנען, וויא דיא „יוזשנאיא פּארטיא סאָציאַלי־סטאָוו רעוואָלוציאָנעראָוו" און „סעווערני סאָיוז סאָציאַליסטאָוו רעוואָלוציאָנעראָוו".

דיא ערשטע אָרגאניזאציאָן האָט געהאַט אלס פּראָגראם אָנצופיהרען א ברייטע מאסען־בעוועגונג צווישען דיא פאבריק־ארבייטער אין דיא שטעדט און אויך שאפען א ברייטע בעווע־גונג צווישען דיא בויערן אין דיא דערפער; דיא צווייטע אָרגאניזיציאָן האָט זיך געשטעלט אלס אויפגאבע צו פיהרען א דירעקטען קאמפף געגען דער דעספּאָטישער סאמאָדערזשאַוויע, און די־זער קאמפף זאָל שטעהן אין פערבינדונג מיט דער מאסען־בעוועגונג פון דיא ארבייטער. א לעבעדיגע טהעטיגקייט האָט זיך ענטוויקעלט אומעטום, וואו עס זיינען נור געווען יונגע מענ־שען מיט אָנגעזאמעלטע קרעפטען, וועלכע האָ־בען געפיהלט, אז מען דארף צו וואָס צולייגען דיא כוחות.

אונטער אזא צושטאנד האָבען זיך אָנגע־הויבען דיא אויסערגעוועהנליכע טיראנישע אונטערדריקונגען פון דער רעגירונג אין דיא או־ניווערזיטעטען אין 1899, דיא מאסען ארעסטען, וועלכע זיינען געמאכט געוואָרען, דיא פּאָליציי־סקע גוואַלד וועלכע מען האָט אריינגעבראכט אין אוניווערזיטעט געגען דיא סטודענטען, דער אָבגעבען סטודענטען פאר סאָלדאטען אלס בע־שטראָפונג—דאָס אלעס האָט געווירקט וויא אויל אויף פייער. דעמאָנסטראציעס פון ארבייטער מיט סטודענטען, בונטען פון בויערן, אָפענע גע־שרייען „דאָלאָי סאמאָדערזשאַוויע!" מארשען מיט רויטע פאָהנען, סכאָדקעס (אסיפות) מיט הויכע געזאנג פון רעוואָלוציאָנערע ליעדער האָ־בען אָנגעהויבען זיין אויפ'ן טאגעס־אָרדנונג. דיא ערביטערטע רעגירונג האָט זיך א נעהם גע־טהאָן מיט אן אויסערגעוועהנליכער גוואַלד צו פערטרינקען דאָס אלעס אין בלוט. אין דער קאָזאצקער נאגאיקע, אין דיא קוילען פון סאָל־דאטען, אין פערשמייסען ביז טויט האָט זיא איצט געזוכט איהר איינצעלנע רעטונג. און דורך דעם קאמפף האָט אָנגעהויבען אליז העכער און העכער צו שטייגען דער רעוואָלוציאָנערע־גייסט, דער גייסט פון ווידערשטאנד. עס איז נאָך ניט געקומען צו אָרגאניזירטען טערראָר פון דיא רעוואָלוציאָנערען, אָבער טערראָר האָט שוין געשוועבט אין דער לופטען; זיין נויטווענ־דיגקייט האָט זיך שוין געפיהלט אין דיא הער־צער פון דיא נאָבעלע זעעלען, וועלכע האָבען ניט געקענט אריבערטראָגען דיא ערניעדריגונג און בעליידיגונג פון זייער מענשען־ווירדע, דיא פערגאָסענע בלוט פון זייערע הונדערטער ברי־דער און שוועסטער, דיא מאסען־ערמאָרדונג פון הונגעריגע ארבייטער.



פּ. קארפּאָוויטש'

עס דערהערט זיך שוין דער שאָס פון לאָ־גאָווסקי געגען פּאָביעדאָנאָסצעוו. אין וועמען מען האָט געזעהען דיא פערקערפּערונג פון דעם פינסטערן גייסט פון דער דעספּאָטישער רעגי־רונג. לאָגאָווסקי'ס אטענטאט איז ניט געלונ־גען; אָבער עס איז געלונגען קארפּאָוויטשען צו דערשיסען דעם קאָזאצקען אונטעררריכטס־מיניסטער באָגאָליעפּאָוו, וועלכער האָט איינגע־פיהרט דיא נאגאיקע אָנשטאָט פרייע בילדונג אין אוניווערזיטעט. וויא א מעכטיגער רוף פיר פייעריגע, טעראָריסטישע טהעטיגקייט האָט גע־ווירקט דער שאָס פון קארפּאָוויטשעס רעוואָל־ווער. קיינער האָט זיך ניט געוואונדערט. דיא רוסישע געזעלשאפט, ווי זיא שטעהט און געהט, פּאָרטגעשריטענע און ניט פּאָרטגעשריטענע, זיינען ניט איבערראשט געוואָרען פון דיזען טערראָריסטישען אקט. עס איז געשעהען דאָס, וואָס האָט געדארפט געשעהען, אזוי וויא אלע ווילטען עס ערוואַרטעט און וואָלטען געפינען

דאָס פאר גאנץ זעלבסטפערשטענדליך. אזוי שטארק איז געווען דער כעס פון אלעמען געגען דעם פערהאסטען מיניסטער.

עס האָט זיך אין דער לופט דערפיהלט, וויא דיא אָנקונפט פון נייע צייטען, פון שטורמדיגע צייטען, וועלכע וועלען צוטרייסלען גאנץ רוסלאנד. עס האָט זיך געפאָדערט א מין נייע רעוואָלוציאָנערע פראָגראם, א דירעקטער געוואלטיגער קאמפף געגען דער געוואלט פון דער רעגיערונג; עס האָט זיך געפאָדערט א פעראייניגונג פון אלע רעוואָלוציאָנערע קרעפטען, וועלכע זאָל קענען ניט נור פיהרען אן אונגעהייער מעכטיגע ארבייטער און בויערן בעוועגונג, וועלכע זאָל ניט נור אָנטרייבען א ווייטע און ברייטע פראָפאגאנדא אין דיא שטעדט און צו־לאנד, זאָנדערן זאָל אויך קענען פערטהיידיגען זיך מיט רעוואָלוציאָנערע מאכט, דערלאנגען קלעפ דער דעספאָטישער הער־שאפט, וועלכע פערפלייצט מיט בלוט יעדע טהעטיגקייט, יעדען שטרעבען, יעדע פאָדערונג פון מענשליכע רעכטע.

פון דיזע פאָדערונגען איז ארויסגעקומען דיא פעראייניגונג פון דיא ביידע אָרגאניזאציאָנען „יוזשנאיא פארטיא סאָציאליסטאָוו רעוואָלוציאָנער־אָוו“ מיט דעם „סעווערני סאָיוז ס. ר.“ זיי האָבען זיך ביידע צונויפגעשמאָלצען אין איין כאָלידע רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציאָן, דיא „פארטיא סאָציאליסטאָוו רעוואָלוציאָנעראָוו“, מיט דער פולער פראָגראם פון דיא ביידע אָרגאניזאציאָנען צוזאמען.

דיא פראָגראם בעשטעהט, אין קורצען גערעדט, אין א ברייטער און ווייטער מאסען־בעוועגונג פון דיא ארבייטער, פערבונדען מיט א מאסען־פראָפאגאנדא צווישען דיא בויערן און דאצו א דירעקטען קאמפף מיט רעוואָלוציאָנערע מיטלען, מיט וואפען אין דיא הענד, מיט ווירקענדע טהאטען געגען דער סאמאָדערזשאוונער רעגירונגס־מאשין.

א ברענענדע, נערוועזע, פיבערהאפטע טהעטיגקייט האָט אָנגעהויבען דיזע פארטהיי; גרופען האָבען זיך געבילדעט אומעטום, אָרגאניזאציאָנען האָבען זיך געגרינדעט, בעזונדערע גרופען האבען זיך פעראייניגט; נייע קרעפטען זיינען צוגעצויגען געוואָרען; נייע פלענער זיינען דיסקוטירט געוואָרען — א לעבעדיגע טהעטיגקייט איז אָנגעגאנגען, וואו נור עס איז געווען דיא מינדעסטע מעגליכקייט דורכצודרינגען מיט דעם רעוואָליציאָנערען גייסט. וויא א נעץ וואָלט פערשפרייט דיא פארטיי פון סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען איבער דער ווייטע און גרויסער מדינה. א מין צויבערהאפטער, וואונדערבארער גייסט פון קאמפף האָט ארומגעכאפט גאנץ רוסלאנד. דער קריטישער מאָמענט, דיא געפעהרליכע לאגע, דיא געוואלדיגע פערפאָלגונגען פון דער רעגיערונג האָבען אזא טהעטיגקייט געמוזט ארויסרופען אין דיא אָנגעזאמעלטע יונגע כוחות.

* *

פרינציפיעל האָבען דיא מיטגליעדער און פיהרער פון דיזער פארטיי שוין לאנג אנערקענט דיא אָנווענדונג פון טערראָר אונטער אזעלכע אומשטענדען, וויא עס קומט אויס צו פיהרען א בעוועגונג אין רוסלאנד. עס האָט זיך יעצט נור געהאנדעלט אום דעם, וועלכער מאָמענט עס זאָל אויסגעוועהלט ווערן, אום דיזע טאקטיק אָנצופאנגען און וויא צו אָרגאניזירען דיא טערראָריסטישע טהעטיגקייט, אז זיא זאָל ברייגען די בעסטע רעזולטאטען און אין דער זעלבער צייט דעם קלענסטען פערלוסט פון קרעפטען. היינט ווער זאָל אויף זיך נעהמען דיא איניציאטיווע, דיא גאנצע פארטיי אָדער א גרופפע פרייוויליגע מיטגליעדער פון דער פארטהיי (*).

נאָך לאנגע בעראטהונגען און נאָך דעם וויא אין פרינציפ האָט דיא גאנצע פארטיי אנערקענט טעררָאריסטישע מיטלען אלס א טהייל פון דער טאקטיק, האָט זיך געגרינדעט דיא „באָיעוואיא אָרגאניזאציא“. וועלכע בעשטעהט פון א פרייוויליגע אָבגעזונדערטע גרופפע מיטגלידער פון דער פארטהיי.

אין סעפטעמבער, 1901, האָט דיזע גרופפע אָנגעפאנגען איהר טהעטיגקייט און האָט פאָראורטהיילט צו טוידט דיא מיניסטאָרען, סיפיאגין און פאָביעדאָנאָסצעוו. סיפיאגין, וועלכער איז געווען דיא פערקערפערונג פון טיראניי, פון דעם רעגיערונגס־קנוט, און פאָביעדאָנאָסצעוו, וועלכער איז דיא פערקערפערונג פון דעם פינסטערן גייסט פון דער דעספאָטישער מאָנארכיע.

עס וואָלט דאָ פערנעהמען צו פיעל פלאץ אריינצוגעהן אין דיא איינצעלהייטען, וויא דיזע גרופפע האָט נאָכגעדענקט יעדען שריט, יעדען מאָמענט, יעדען אומשטאנד, אז אן אטענטאט זאָל אנדערש ניט געמאכט ווערן, סיידען ער זאָל ברייגען דיא געווינשטע רעזולטאטען, ד. ה. אז ער זאָל זיין גערעכטפערטיגט נאָך דיא אומשטענדען און זאָל מאכען דיא נויטיגע ווירקונג.

---

*) וויעסטניק רוסקאָי רעוואָליוציאי“ נומער 3.

אום אלע זאָלען קענען פערשטעהן, אז דאָס איז ניט געמיינט געוואָרען בלויז צו הרג'ענען א בייזען מענשען, א שעדליכען מענשען, זאָנדערן אז דאָס איז דערלאנגט געוואָרען א קלאַפּ דער סיסטעמע פון רעגירונג, וועלכע איז אויסגעדריקט אין דער בעשטימטער פערזאָן.

ווען עס האָט פּאסירט דיא גרויסע דעמאָנסטראציע פון דעם 3טען מערץ, וועלכע עס האָט אזא רושם געמאכט אומעטום, ווען עס האָט פּאסירט יענע בלוטפערגיסונג אין דיא גאסען פון פעטערסבורג, דורך וועלכער סיפּיאגין האָט געוואָלט אויסטיליגען יעדען פּראָטעסט, יעדע בעוועגונג, דאן האָט דיזער מיניסטער געפאָדערט פון ניקאָלאיען אזא אונגעהייערע פאָלמאכט, וועלכע קיין מיניסטער האָט פריהער ניט געהאט. ער האָט זיך בענוצט מיט דעם שרעק, וועלכער איז געפאלען אויף ניקאָלאיען דורך דיזע דעמאָנסטראציע און האָט געפאָדערט אויסערגעוועהנליכע פאָלמאכט, אום צו קענען דערשטיקען מיט דיא שוידערליכסטע מיטלען דעם שטייגענדען רעוואָלוציאָנערען גייסט. סיפּיאגין איז געוואָרען דאן דער שרעק פון רוסלאנד, און עס איז ניט געווען קיין איין קרייז פון דער געזעלשאפט, וואו עס האָט זיך ניט אָנגעזאמעלט האסס און צאָרן, גיפט און גאל געגען דיזען אונגעהובעלטען טיראן, וועלכער האָט פערוואנדעלט רוסלאנד אין א ים פון בלוט און טרערען. אין אלע הערצער האָט זיך געפיהלט דער וואונש ראכע צו נעהמען פון דיזען מאסען־מערדער.

און דיזער וואונש איז פערווירקליכט געוואָרען. דאָס איז געשעהן דעם 2טען אפּריל, 1901, אום 1 אוהר מיטאָג־צייט. צום מאריאינסקען פּאלאץ, אין פּעטערסבורג, וואו עס האָט אין דיזער שטונדע געדארפט זיין א זיצונג פון מיניסטאָרען, איז צוגעפאָהרען א רייכער עקיפּאזש מיט א פּאָר פערד, הערליך געשפּאנט. דער שווייצאר האָט שנעל געעפענט דיא טיהרען פון פּאלאסט פאר דעם עלעגאנט געקליידעטען יונגען אדיוטאנט, וועלכער האָט לייכט ארויסגעשטיגט פון עקיפּאזש און האָט מיט א שטאָלץ־בעפעהלענדען טאָן געהייסען מעלדען, אז ער איז עקסטרענע געקומען פון מאָסקווא, געשיקט פון זיין „פירסטליכע האָהייט" סערגיי אלעקסאנדראָוויטש, און מוז זאָפאָרט זעהען דעם מיניסטער פון אינערליכע אַנגעלעגענהייטען. דער שווייצאר האָט אונטערטהעניגסט ערקלערט, אז דער מיניסטער איז נאָך ניט געקומען. דער יונגער אדיוטאנט האָט געענטפערט, אז ער ציהט דאָ אויף א פּאָר מינוט ביז דער מיניסטער קומט, האָט אראָבגעצויגען פון לינקער האנד זיין אָפּיצירסקע ווייסע האנדשוה און האָט אין פּאָרטפעל פערריכט דיא פּאַקעטען.

דיא האלטונג פון דעם יונגען אָפּיציער אין דעם אדיוטאנטסקען מונדיר מיט דיא אקסעלבאנטען איז געווען אזוי רוהיג און נאטירליך, אז אפילו דער אויסערגעוועהנליכער פאל, וואָס ער איז עקסטרא געשיקט געוואָרען אין אזא איילעניש פון סאמע גרויספירסט פון מאָסקווע גלייך אין פּאלאסט פון „גאָסודארסטווענני סאָוועט" צו זעהען זיך מיט דעם מיניסטער פון אינערליכע אנגעלעגענהייטען (און נאָך גראָד אין אזא צייט וואָס צווישען גרויספירסט סערגיי און דעם מיניסטער איז געווען א שטיקעל שנאה) האָט ביי קיינעם ניט ערוועקט קיין שאטען פון פערדאכט. עס דויערט ניט קיין פּאָר מינוט, און דעם מיניסטער'ס קארעטע איז אָנגעקומען. אין קאָרידאָר זאָגט שוין דער שווייצאר אָן דעם מיניסטער, אז אן אדיוטאנט פון זיין פירסטליכע האָהייט סערגיי אלעקסאנדראָוויטש איז עקסטרא אָנגעקומען פון מאָסקווא מיט נויטיגע פּאַפּיערען צו איהם. דער מיניסטער געהט צו צום אדיוטאנט, וועלכער שטעלט זיך איהם פאָר און דערלאנגט איהם פון פּאָרטפעל א פּאקעט. אין דער צייט, ווען סיפּיאגין נעהמט דעם פּאקעט, דערהערט זיך א קנאל פון א רעוואָלווער, דריי שאָסען ווערען אָפּגעפייערט איינער נאָך דעם אנדערן און דער טיראן, פאר וועלכען מיט א מינוט פריהער האָט געציטערט רוסלאנד, פאלט אנידער וויא א שווערע פלאכטע צו דיא פיס פון דעם יונגען רעוואָלוציאָנער.

— אזוי בעגעהט מען זיך מיט דיא פיינד פון פאָלק! ערקלערט דאָ אויפ'ן שטעל דער רעוואָלוציאָנער, אָנצייגענדיג דיא צושראָקענע און צומישטע לאקייען און טשינאָווניקעס אויף דעם געפאלענעם מיניסטער.

דיזער פערקליידעטער עלעגאנטער אדיוטאנט איז געווען דער יונגער מיטגליעד פון דער „באָיעוואיא אָרגאניזאציא" פון דער פּארטיי סאָציאליסטען - רעוואָלוציאָנערען, דער סטודענט ס ט ע פ א ן ו א ל ע ר י א נ אָ ו ו י ט ש ב א ל מ א ש אָ ו, א זוהן פון א פערפאָלגטען „פּאָליטישען פערברעכער", א'ן איין־איינציג קינד פון א רעוואָלוציאָנערען מארטירער פון דיא נאראָדאָוואָלצעס, — ער האָט דאָס דיא טהאט אויסגעפיהרט און האָט

בעפרייט רוסלאנד פון איינעם פון איהרע אונמענשליכע בלוטזויגער!

וויא בראוו, וויא ראָמאנטיש, וויא העלדיש מוטהיג דיזער עדעלסטער קינד פון דיא בעסטע מענשען פון רוסלאנד האָט זיין אויפגאבע ערפילט, אָפּפערענדיג מיט זיין יונגען לעבען אין דיא סאמע בליהונג פון זיינע יאָהרען, דאָס וועט בלייבען פערצייכענט מיט גאָלדענע בוכשטאבען אויף דיא בלעטער פון רוסלאנד׳ס געשיכטע, יענע געשיכטע פון קאמפף, וועלכע איז אזוי רייך מיט העלדענטהאטען, אזוי ריהרענד מיט איהר אָפּפערוויליגקייט, אזוי הייליג מיט בעגייסטערונג! יענע געשיכטע, וועלכע איז דער מארטיראָלאָג פון אזוי פיעל נאָבעלע זעעלען, וואָס האָבען זיך אויפגעאָפּפערט אין קאמפף פאר דיא העכסטע אידעאלען פון דער מענשהייט, און אויף וועלכע עס זינגט דער פּאָעט:

„אָ, מוטער נאַטור, ווען ניט אַזעלכע מענשען,
וויא פערטריקענט וואָלט געוואָרען
דיא בעסטע פרוכט פון לעבען!“

דיא האלטונג פון דיזען יונגען העלד אין געריכט, וואו ער איז פעראורטהיילט געוואָרען צום טויט, איז געוועזן פונקט אזוי מוטהיג און בראוו, וויא דיא אויספיהרונג פון זיין טהאט: „פרעגט אלע רוסישע בירגער, פאר וואָס זיי האָבען איהם ניט געטויט ביז יעצט“ — האָט ער געענטפערט זיינע ריכטער, ווען זיי האָבען איהם געפרעגט וועגען דעם מאָטיוו פון זיין טהאט — „פאר וואָס איך האָב איהם געטויט, דאָס פערשטעהט איהר אלע גאנץ קלאָר“...

אזוי איז געוועזן דער ערשטער אויפטריט פון דער „באָיעוואיא אָרגאניזאציא“ אויף דעם וועג פון טעררָאריסטישען קאמפף געגען די בלוטיגע טהאטען פון דער דעספּאָטישער רעגיערונג. עס איז ניט געוועזן קיין איין ווינקעל אין רוסלאנד, וואו דיזע טהאט האָט ניט ארויסגערופען דאנקבארקייט, וואו זיא האָט ניט ערוועקט בעגייסטערונג, וואו זיא איז ניט געוועזן בעטראכט אלס א נויטווענדיגער קלאָפּ געגען דער פּאָליטישער שקלאפעריי, וועלכע הערשט אין רוסלאנד און אין וועלכע יעדער מינדעסטער פּראָטעסט ווערט בעשטראָפט אלס הויכפערראטה.

דער קלאָפּ פאר דער רעגיערונג איז געוועזן א געוואלטיגער. זיא איז פּשוט צומישט געוואָרען. דיא סאָציאליסטישע אָרגאניזאציאָנען און רעוואָליוציאָנערע גרופּפען האָבען איבעראל אָנגעהויבען א טהעטיגקייט מיט דאָפּפּעלטע ענערגיע און מיט א שטייגענדע בעגייסטערוג. דיא כוואליעס פון דעם בעוועגונגס־מעער האָבען זיך אָנגעהויבען צו הויבען אלץ העכער און האָבען געסטראשעט איינצורייסען דיא שווארצע טויזענד־יעהריגע פעלזען פון דער סאמאָדערזשאוונער הערשאפט. סיפּיאגין׳ס סוף איז געוועזן א מערקווירדיגער קלאָפּ ניט בלויז פאר די איינצעלנע פּערזאָנען, וועלכע קירעווען רוסלאנד׳ס שיף צוריק צו דיא פינסטערע יאהרהונדערטע, זאָנדערן טאקע פאר דער פּאָליטישער ס י ס ט ע מ ע פון אזא רעגירונג.

אויף דעם פּראָקוראטאָר פון היילִיגען סינאָד, דעם פינסטערן גייסט פון רוסלאנד, פּאָבעדאָנאָסצעוון, איז געוועזן צוגעגרייט פון דער „באָיעוואיא אָרגאניזאציא“ אזא סוף. פאר וואָס דאָס איז ניט געשעהען, איז ניט דאָ איצט דער פּלאץ אָבצושטעלען זיך.

* *

דיא סאָציאליסטען רעוואָלוציאָנערען האָבען נאטירליך ניט ערווארט, אז דיזער קלאָפּ, וויא מעכטיג ער זאָל ניט טרעפען די רעגיערונג, וועט שוין זיין אזוי ווירקענד, אז זיא וועט זיך גלייך אונטערגעבען. דאָס וואָלט געוועזן צו נאאיוו אָפּטימיסטיש פון זייער זייט. פונקט אזוי וויא זיי ערווארטען ניט, אז פון דיא ליטעראטור, וועלכע זיי פערשפּרייטען אין רוסלאנד, וויא מאסענהאפט זיי טהוען עס ניט, זאָל אין א צייט, צ. ב., פון איין יאָהר שוין דיא מאסע פון פאָלק סאָציאליסטיש אויפגעקלערט און איבערצייגט ווערען. (און מען דארף ניט פערגעסען, אז דיא טהעטיגקייט פון דיזער פארטיי אין דער ארויסגעבונג פון סאָציאליסטיש־רעוואָלוציאָנערע ביכער און שריפטען איז אן ערשטוינענדע. הונדערטע טויזענדע עקזאמפּליארען ווערן פערברייט אין א יאָהר אין אלע ווינקעלעך פון רוסלאנד; שוין ניט גערעדט פון דעמאָנסטראציעס, סטרייקס, אָרגאניזירונג פון גרופּפען אין דיא שטעדט און דיא דערפער.) טיכטיגע קעמפּפער ווייסען, דאָס פונקט אזוי וויא עס איז נויטיג בעגייסטערונג און אָפּפערוויליגקייט, אזוי איז אויך נויטיג אויסדויער און פעסטער געדולד אין קאמפף. טיראנייע, וועלכע האָט זיך דורך יאהרהונדערטע פערהארטעוועט, ווערט מיט איין קלאָפּ ניט אָבגעשאפט.

עס איז אלזאָ געוועזן צו ערווארטען, אז דיא כאמאָדערזשאווע דעספּאָטיע וועט אָנשטרענגען איהרע ביטערסטע קרעפטען, איהר אונ־

מענשליכסטע ווילדהייט אום אויפצוהאלטען איהר מאכט. זיא האט ווירקליך ארויסגערוקט אויף'ן סצענע איהר רעאקציאנערסטען רעטער, איהר אונמענשליכסטען תליון. פאן־פלעהווע האט פערנומען דעם פלאץ פון סיפיאגין. ער איז געוואָרען מיניסטער פון אינערליכע אנגעלעגענהייטען און האט בעקומען דיא ווייטסטע פאלמאכט צו געברויכען אלע מיטלען, אויף וועלכע עס קען פעהיג זיין בלויז א פאן־פלעהווע, אום אויפצוהאלטען דיא זעלבסטהערשערישע אונזערדריקונגס־מאכט פון דער צארסקער רעגירונג.

אז פאן פלעהווע וועט ניט ברייגנען רוסלאנד קיינע פערלייכטערונג, אז ער וועט ניט פרובירען שפיעלען זיך מיט רעפארמען כאטש אפילו פון נארעריי וועגען, דאס האט יעדער אין רוסלאנד געוואוסט, און גלייך וויא ער איז געוואָרן מיניסטער, האט יעדערער געפיהלט, אז דא וועלען דיא רעוואלוציאנערן - טערראריסטען האבען צו האנדלען וויא זיי האבען געהאנדעלט מיט סיפיאגין. מען מעג מיט זיכערהייט זאגען, אז איידער פלעהווע האט נאך געוויזען זיינע מעשים, וועלכע האבען ערשטוינט די גאנצע וועלט מיט זייער שוידערליכקייט, איידער נאך דיא קישינעווער בלוטבאד איז געשעהען, גלייך וויא פלעהווע האט גענומען דיא לייצעס פון דער רעגירונג אין זיינע הענד, האט שוין יעדערער געפיהלט אז זיין פסק דארף קומען. מיט אונגעדולד האט מען ערווארט, ווען דיא טערראריסטישע טהאט וועט פאסירען, וועלכע וועט ענדיגען מיט דעם מיניסטער וויא ער פערדיענט. און אין דער גאנצער צייט פון זיין רעגירעריי האט זיך בלויז יעדערער געוואונדערט, ווארום קומט שוין ניט דיזע טהאט. וויא דער געוויסען פון דער גאנצער געזעלשאפט וואלט געווען געפלאגט, וואס אזא שוידערליכער טיראן קען בלייבען לעבען און רעגירען אזא לאנגע צייט — איבער צוויי יאהר! זיינט פלעהווע'ס אויפטריט האט מען אלזא טאג אויף טאג ערווארטעט זיין ענדע.

דער אָרגאניזירטער טערראר האט ניט געקענט ענדיגען זיך מיט דער טהאט געגען סיפיאגין, ווען א פלעהווע איז ארויף אויף זיין פלאץ. דיא „באיעוואיא אָרגאניזאציא" האט געמוזט פאָרטזעצען איהר ארבייט. ווען אונטער פלעהווע'ס אדמיניסטראציע האט דער גובערנאטאר פון כארקאוו פערשמיסען הונדערטער בויערן ביז טויט אלס אבשרעקונגס־מיטעל פאר וואס זיי האבען זיך געבונטעוועט, און נאך 800 טויזענד רובעל אלס שטראף איז ארויפגעלייגט געוואָרען אויף דיא אונרוהיגע דערפער צו דעקען דעם שאדען וואס דיא בויערן־אונרוהען הא־



דיא פריוהייטס־פאקעל אין רוסלאנד איז גאנץ קליין, וויא ס'ווייזט אויס, דאך אנצוצינדען א באמבע איז דער פלאם גענוג גרויס.
(דער וואהרע יאקאב.)

בען געבראכט די פּאָמעשטשיקעס, האָט דער ארבייטער קאַטשורא פון די „באָיעוואָיא אָרגאַניזאציא״ געשאָסען אויף דעם גובערנאטאָר אָבאָלענסקי און האָט איהם פערוואונדעט. אויך דיזער אקט איז בעטראכט געוואָרען אלס זעלבסטפערשטענדליך און האָט ארויסגערופען בעפרידיגונג ביי אלעמען; מען האָט נור געפיהלט א פערדרוס וואָרום דער בלוטהונד אָבאָלענסקי איז ניט געפאַלען טויט. ניט ווייניגער בעפרידיגונג האָט ארויסגערופען אין דער געזעלשאפט די טהאט פון דער „באָיעוואָיא אָרגאַניזאציא״ געגען באָגדאַנאָוויטש, דעם גובערנאטאָר פון אופא, וועלכער האָט לויט פּלעהווע׳ס פּלענער געהייסען אייסשיסען סטרייקענדע ארבייטער.

די טעררָאריסטישע טהאטען, וועלכע זיינען אויסגעפיהרט געוואָרען פון די סאָציאליסטען רעוואָלוציאָנערען ביז יעצט, האָבען ניט נור ניט ארויסגערופען פערדרוס געגען זיך אפילו זייטענס די קאָנסערוואטיווסטע טהיילען פון דער געזעלשאפט, זאָנדערן זיינען אימער געקומען אלס זעלבסטפערשטענדליכע, אלס אונפערמיידליכע, אלס זעגענרייכע טהאטען.

אָבער דיזע אונפערמיידליכקייט און נויטווענדיגקייט פון טעררָאר אין רוסלאנד וועט מיר אויסקומען צו בעהאנדלען אין אן אנדער ארטיקעל, וואו איך וועל האָבען צו ריידען מעהר איבער די טהאט געגען פלעהווע. איך וויל דאָ נור אָנדייטען, אז אויב מאנכע מיינען, אז די פארטיי סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען אונטערשיידען זיך פון דער רוסישער סאָציאל־דעמאָקראַטיע בלויז מיט דעם, וואָס זיי אנערקענען דעם טעררָאר אלס איינעם פון די נויטווענדיגסטע מיטלען אין דעם יעצטיגען קאמפף, מאכען זיי א גרויסען טעות. פיעל מעהר פון דעם אונטערשיידען זיי זיך אין זייערע טהעאָריען, אין זייערע אידעאלען, אין זייער אויפפאסונג פון סאָציאליזמוס און פון דעם וועג, וועלכען רוסלאנד מוז דורכמאכען אום צו ערדייכען א צושטאנד פון פרייהייט. די ריכטונגען פון דיזע צוויי פארטייען זיינען גרונדפערשיעדען. אָבער דאָס וועט אויסקומען צו בעטראכטען אין אנדער ארטיקעל.

דער קאמפף ברענט איצט פייעריג אין רוסלאנד, אָפּפער פאלען, אָבער עס פיהלט זיך שוין גאנץ שטארק, אז רוסלאנד געפינט זיך אין ערב אן אומענדערונג, וועלכע וועט צוטרויסלען די סאמאָדערזשאוונע מאָנארכיע, דען יענע צייט, אויף וועלכע די נאראָדאָוואָלצעס האָבען נביאות געזאָגט, איז פאר אונזערע אויגען. פון זייער געביין איז אויפגעשטאנען א מעכטיגער ראכע־נעהמער, א שטארקערער פון זיי, און שטארקער דארום, ווייל איצט קעמפּפען שוין ניט בלויז אינטעליגענטען אליין, ניט בלויז די שטודירענדע יוגענד, עס קעמפּפט צוזאמען מיט די אינטעליגענטען דאָס פאָלק, דער ארבייטער, דער בויער, און דיזער קאמפף וועט ניט אויפהערען ביז דאן, ביז וואנען קיינע סיפיאגינס און קיינע פלעהוועס וועלען ניט מעגליך זיין אין רוסלאנד.

מ׳ קאַטין׳

# די געליעבטע

עס שוועבט די לבנה, מיין האַרץ שוועבט נאָך איהר
אין הימעלס פּערם שוועבט דאָרט דיין צורה;
מיר דאַכט, אַז עקלערטער לאַזורע,
געליעבטע, מיר דאַכט, אַז איך שוועב דאָס נאָך דיר.

---

אַ הייליגע פרומקייט לעבט אויף אין מיר באלד,
נשמה׳דיג, שטאַרק, מיט כונה
מחדש בין איך די לבנה.
די נאַכט׳גאַל זאָגט קדיש, „אמן״ זאָגט דער וואַלד...

מ. ר.



# דער פּאָליטישער שאַכשפּיעל אין אמעריקא

גאָלד געגען גאָלד — דאָס איז דער אָנהויב און דער סוף פון דעם יעצטיגען פּאָליטישען שאַך־שפּיעל, וואָס ווערט אָנגעפיהרט פאַר דעם גרויסען אמעריקאנער פּובּליקום אונטער דיא פערשריענע נעמען רוזוועלט און פּאַרקער. ווער עס זאָל ניט זיעגען ביי דיא וואהלען נעכסטען נאָוועמבער, דער רעפּובּליקאנער אָדער דעמאָקראטישער קאנדידאט פיר פּרעזידענט פון אונזער גרויסער רעפּובּליק, נאָר פּלוטאָן, דער כהן גדול פון מאמאָן, איז פאָלשטענדיג געזיכערט מיט זיין אויבּער־הערשאַפט.

אויף דער פּאָליטישער ביהנע שפּיעלט מען זיך מיט פּראָגראמען, מיט מעהר אָדער וויניגער אָבגעדראָשענע און איבערגעניצעוועטע רעדען איבער פערשידענע פונקטען, מיט אטאקעס און קאָנטער־אטאקעס, מיט אלערליי פּראזען־פּייערווערק; אָבער הינטער דיא קוליסען זיצט אייגענטליך איינער, וואָס פּראוועט דיא קאָמעדיע. און דאָס איז דער אלמעכטיגער דאָלאר. פון ערשטען בליק שיינט עס, אז דיא אלע קאנדידאטען, רעדנערס און שרייבערס, וועלכע מאכען געוואלדען וועגען דיא „אישוס“ און „פּרינציפּען“ און געבען זיך ארויס פאַר לאנדעס־רעטטערס, מיינען עס ערנסט; אָבער ווען מען קוקט און מען דרינגט אריין מיט קריטישע אויגען אין דעם גאנצען געטומעל — א געטומעל, וועלכער ווערט ווידערהאָלט אלע פיער יאָהר — זעהט מען דיא שטריקלעך, וועלכע ציהען זיך פון דעם באנק־צענטער אין וואָלל־סטריט צו אלע פּלאטפאָרמען און צו אלע אנטהייל־נעהמער אין דעם פּאָליטישען שאך־שפּיעל. קיין „גאנג“ ווערט ניט געמאכט אָהן א דירעקטען בעפעהל אָדער וויניגסטענס אָהן דיא הסכמה פון זיין העכסטע מאיעסטעט דעם מלך מלכי המלכים קאפּיטאל.

דיא מאכט פון גרויס־קאפּיטאל האָט זיך נאָך קיין מאָל ניט ארויסגעוויזען אזוי אָפען און ציניש אין אונזער רעפּובּליק, וועלכע האָט שוין לאנג כשר פערדיענט דעם פערעכטיליכען טיטול „דאָלאר־רעפּובּליק“, וויא אין דער היינטיגער „קאמפּיין“, אין דיא היינטיגע פּרעזידענט־וואהלען. דיא פּלאטפאָרמען פון דיא רעפּובּליקאנער און דעמאָקראטען זיינען געשריעבען געוואָרען אונטער דער דיקטירונג פון פערטרעטער פון וואָלל־סטריט, דעם געלט־נערוו פון אונזער לאנד, און ביידע פּרעזידענט־קאנדידאטען, רוזוועלט אזוי גוט וויא פּארקער, זיינען פּערפעקט ביי דיא באנקירען און טראָסטס. עס איז שוין געוואָרען א שפּריכוואָרט אין אמעריקא, אז וואָלל־סטריט וועהלט יעצט אויס א פּרעזידענט. אויב פּארקער, דער רייטפּפערדעל פון א גרופּע פינאנסיסטען אונטער דער פיהרונג פון דעם בעוואוסטען מיליארדער אָגוסט בעלמאָנט, וועט אויסגעוועהלט ווערן, וועט עס זיין דער שלאַגענדסטער בעוויז פון דער שטייגענדער געפעהרליכער מאכט פון א הייפעלע באנקירען איבער דאָס גאנצע „פרייע“ אמעריקאנער פאָלק.

אז דיא רעפּובּליקאנער פּארטיי מיט איהר מיליטעריש־רייטענדען פּרעזידענט רוזוועלט זיינען טרייע דיענערס פון גרויס־קאפּיטאל, וועגען דעם איז איבעריג צו ריידען. ווער עס האָט נאָר עפּעס א ידיעה פון אמעריקאנער פּאָליטיק, ווייס וויא ווייט דיא הערשענדע רעפּובּליקאנער פּארטיי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו שטיצען דיא קאפּיטאליסטען אויף דער רעכנונג פון פאָלק, וויא ווייט זיא האָט געהאָלפען דער געבורט און ענטוויקלונג פון דיא ריעזיגע טראָסטס, וועלכע קאָמאנדעווען יעצט אין קאָנגרעס, אין אלע לעדזשיסלייטשורס (שטאאט־פּארלאמענטען) און אין אלע גרויסע מוניציפּאליטעטען (שטאָדט־פערוואלטונגען).

דיא געשיכטע פון דיא רעפּובּליקאנער פּארטיי איז אייגענטליך דיא געשיכטע פון דער פּלוטאָקראטיע (געלט־הערשאַפט) אין אונזער רעפּובּליק. פּראָטעקציאָן אין דיא פאָרמע פון הויכע טאריפען, וועלכע מאכען שוין מעגליך אין געוויסע אינדוסטריען צו פערקויפען פּראָדוקטען אין אויסלאנד ב י ל י ג ע ר וויא אין אינלאנד, איז געוועזען דער הויפּט־פונדאמענט, אויף וועלכען דיא רעפּובּליקאנער האָבען אָנגעהאַלטען זייער רעגירונגס־געביידע און דיא אוי־

בערמאַכט פון גרויס־קאַפּיטאל. נאָר יעצט, זייט
דיא מלחמה מיט שפּאַניען און דיא פּערבאַפּונג
פון קאָלאָניעס, שטרעבען זיי אויך אָנצוהאַלטען
פּראָטעקציאָן אין דער פאָרמע פון אויסלענדישע
מאַרקעטס אונטער דעם שוץ פון מיליטערישע
פלאָטען, וועלכע מען בויט אַלץ מעהר אויף דער
רעכענונג פון גאַנצען פאָלק. דיא זאָ־גענאַנטע
אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון דער רעפּוב־
ליקאַנער פּאַרטיי איז אייגענטליך א נייע פּראָ־
טעקציאָנס־פּאָליטיק פיר די פאַבריקאַנטען, וואָס
פאַר זיי איז דער היימישער מאַרקעט צו ענג גע־
וואָרן, טראָץ דיא הויכע טאַריפען געגען אויראָ־
פּעאישע קאָנקורענטען, און וואָס מוזען דאַרום
זוכען אַן אָבזאַץ אַנדערסוואו.

אָבער דיא דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז
יעצט נאָך מעהר אין דיא הענד פון גרויס־קאַ־
פּיטאל, וויא אפילו דיא רעפּובליקאַנער. זייט
דעם לעצטען דורכפאַל פון דעם זילבער־משיח
ב ר י י ע ן איז פאָרגעקומען א מערקווירדיגע
איבערקעהרעניס אין דיא דעמאָקראַטישע ריי־
הען פון קאַפּיטאַליזמוס. זייער פּלאַטפאָרמע
אָדער פּראָגראַם איז ניט נאָר בעפרייט געוואָרן
פון יעדען זילבער־שיין, זאָנדערן איז נאָך אויס־
פּראָבירט געוואָרן אין דעם גאָלד־קריגעל פון
וואָלל־סטריט. דיא לעצטע קאָנווענציאָן פון
דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין סענט־לואיס
איז געווען א מערקווירדיגע פּאָליטישע קאָ־
מעדיע, אין וועלכער דער ניו־יאָרקער דורכגעריי־
בענער פּאָליטיקאַן דייוויד הילל, דער פאַרשפּרע־
כער פון אָגוסט בעלמאָנט און אַנדרעע וואָלל־
סטריט מיליאָנערען, האָט געשפּיעלט דיא ראָלע
פון אַן אָנטרייבער מיט א גאָלדענעם בייטש,
און דער אָרימער ברייען האָט געכאַפּט דיא
שמיץ ביז ער איז געבליבען צוגענעגעלט צום
„גאָלדענעם קרייץ“. וואָס ער האָט זיך פּער־
מאָסטען ארונטערצוהאַקען מיט 8 יאָהר צוריק.
דיא גאָלד־דעמאָקראַטען, וועלכע זיינען געשלאָ־
גען געוואָרען פון דיא זילבער־דעמאָקראַטען אין
1896, האָבען יעצט געהאַט זייער נקמה אָן דעם
זאָ־גענאַנטען „ראַדיקאַלען פליגעל“ פון דער דע־
מאָקראַטישער פּאַרטיי אונטער ברייען'ס לייי־
טונג. זיי האָבען יעצט פאָלשטענדיג טרי־
אומפירט. ניט נאָר איז דיא פּלאַטפאָרם פון
דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אויסגעאַרבייט
געוואָרען נאָך זייער וואונש, זאָנדערן זיי האָבען
אויך אויסגעפיהרט, אז זייער קאַנדידאַט זאָל
נאָמינירט ווערן.

קיין בעסערען קאַנדידאַט וויא פּאַרקער
האָט וואָלל־סטריט ניט געקענט אויסקלייבען.
ווער איז פּאַרקער? א ריכטער פון דעם העכ־
סטען געריכט פון שטאַאט ניו־יאָרק. מיט וואָס
האָט ער זיך אויסגעצייכענט? מיט זיין אויס־
פּראָבירטע טרייהייט צו דער קאַפּיטאַליסטישער
קלאַסע, ספּעציעל מיט זיין ענטשיידונג, אז דער
געזעץ וועגען 8־שטונדען ארבייט איז אונקאָנ־
סטיטוציאָנעל (דאָס הייסט געגען דיא קאָנסטי־
טוציאָן און אלזאָ אונגעזעצליך). דאָס איז
אַלעס. נאָר אונגעפעהר מיט א יאָהר צוריק, ווען
מען האָט אָנגעפאַנגען צו ריידען און צו שרייבען
אין צייטונגען וועגען מעגליכע קאַנדידאַטען פון
דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, האָט מען פּלוצ־
לונג גענומען פּויקען פון פילע זייטען, אז פּאַר־
קער איז דער בעסטער, עהרליכסטער, פעהיג־
סטער קאַנדידאַט, דער „בעשערטער מאַן“, „דער
ריכטיגער מאַן אויף דעם ריכטיגען פּלאַץ“.

ווער האָט איהם מיט אמאָל אזוי פּאַנאַנ־
דערגעפּויקט? אַלערליי דיענערס און אַגענטען
פון וואָלל־סטריט, וואָס זייער צאָהל איז פיעל
גרעסער, וויא מען קען עס דענקען. געלט האָט
נאַטירליך ניט געפעהלט, און לויבגעזאַנגען האָ־
בען זיך געשאָטען אויף איהם איבער'ן גאַנצען
לאַנד, ווערענד ער אַליין איז געבליבען שטום
וויא א פיש, אזוי וויא מען האָט איהם געהייסען
אום דער עולם זאָל גאָר ניט וויסען, וואָס ער
דענקט אייגענטליך וועגען דיא „אישוס“ אָדער
דיא שטרייט־פּונקטען פון דיא קאַפּיטאַליסטישע
פּאַרטייען. מען האָט איהם פערענטפערט פאַר
זיין „גאָלדענעם“ שווייגען דערמיט, וואָס ער
איז א ריכטער און דאַרף זיך ניט מישען אין
פּאָליטיק זאָ לאַנג ער בלייבט אין דיזען אמט;
אָבער דאָס איז געווען דער ערשטער אקט פון
דער קאָמעדיע, וואָס איהר פינאַל איז אָפּגע־
שפּיעלט געוואָרען אויף דער קאָנווענציאָן אין
סענט־לואיס, אין דער לעצטער מינוט, נאַכדעם
וויא מען האָט פּאַרקער'ן נאָמינירט לויט דעם
וואונש פון דער וואָלל־סטריט באַנדע אונטער
בעלמאָנט'ס קאָמאַנדע, ווען ער האָט מיט אמאָל
געשיקט זיין בעקאַנטע דעפּעש, אז ער איז ניט אַנדערש פאַר גאָלד
אלס דיא איינציגע מאָס פון געלד. אַלע צייי־
טונגען און אַגענטען, וועלכע האָבען זיך געריסען
פון הויט, אז מען זאָל נאָמינירען בעלמאָנט'ס
קאַנדידאַט, האָבען איהם יעצט אויפגעהויבען ביז
דעם זיבענטען הימעל פון מאַמאָן'ס כיסא־

הכבוד פאר דעם „איבערמענשליכען מוטה“, וואָס ער האָט כלומרשט ארויסגעצייגט מיט זיין דעפעשע, און האָבען איהם פאנאנדערגעפויקט אלס א העלד, וואָס האָט צו זיך גאָר קיין גלייכען ניט אין גאנץ אמעריקא.

אום דיא לעזער פון דער „צוקונפט“ אויסערהאלב אמעריקא זאָלען פערשטעהן, וואָס דיזע טראגי־קאָמישע העלדישקייט בעדייטעט אין דער ווירקליכקייט, וועלען מיר בעמערקען, אז הינטער דיא קוליסען פון דער דעמאָקראטישער קאָנווענציאָן איז פאָרגעקומען א ווערטערשלאכט וועגען דעם געלד־פונקט פון דער פלאטפאָרמע. ברייען, וועלכער האָט זיך מיט 4 יאָהר צוריק, ווען ער איז צום צווייטען מאָל נאָמינירט געוואָרען פאר פרעזידענט־קאנדידאט, פאקטיש אָפגעטרייסעלט פון דעם אונזין וועגען דיא פרייע זילבער־געלט מאכעריי, האָט דאָך פערלאנגט, אז דיא דעמאָקראטישע פארטיי זאָל זיך יעצט ניט ערקלערען אָפען פאר גאָלד־געלט אזוי וויא דיא רעפובליקאנער. פון א׳ן ערקלערונג פיר זילבער־געלט האָט נאטירליך קיין רייד ניט געקענט זיין — דאָס איז שוין, אמעריקאניש גערעדט, א „דער אישו“ (טויטע פראגע).




דער גאָלדענער צווילינג.

אום איהם איינצושטילען און אום לייכטער צו קענען דורכשטופען זייער קאנדידאט, מיט וועלכען דער „ראדיקאלער פליגעל“ איז גאָר ניט געווען צופריעדען, האָבען דיא גאָלד־דעמאָקראטען אָדער אין אלגעמיין דער „קאָנסערוואטיווער פליגעל“ צוגעשטימט צו דעם פשרה־פאָרשלאג, אז מען זאָל אין דער פלאטפאָרמע גאָר א וואָרט ניט דערמאָנען וועגען דיא געלט־פראגע. אייגענטליך האָבען דיא גאָלד־דעמאָקראטען גאָר ניט פערלאָרען דורך אזא קאָמפראָמיס, דען דאָס האָט דאָך אין דער ווירקליכקייט בעדייטעט, אז עס בלייבט וויא עס איז, דאָס הייסט „גאָלד־סטענדער“ (מאָס); אָבער אום עס זאָל גאָר קיין ספק ניט קענען בלייבען, אז דיא דעמאָקראטישע פארטיי האָט זיך אין גאנצען אָפגעזאָגט פון דער פריהערער זילבער־אפיקורסות געגען דיא גאָלדענע קאלב, האָט בעלמאָנט׳ס רעכטע האנד, דער דערמאָנטער דייוויד היל, געהייסען פארקער׳ן שיקען א דעפעשע מיט אַן ערקלערונג, אז וואָס דיא קאָנווענציאָן זאָל ניט ענטשיידען וועגען דיא געלט־פראגע, נאָר ער האלט מיט גאָלד. אזוי וויא ער איז שוין דאן נאָמינירט געוועזען, זיינען ברייען מיט זיינע אונטערשטיצער צוגעשפארט געוואָרן צו דער וואנט. זיי האָבען זיך אפילו שטארק געקאָכט, וואהרשיינליך נאָר צום שיין, האָבען געפילדערט און פראָטעסטירט געגען אזא „אונערווארטעטען“ שריט פון וואָלל־סטריט־קאנדידאט; אָבער זיי האָבען זיך באלד ארומגעזעהען, אז זיי מאכען זיך נור לעכערליך מיט זייער גרימצאָרן און האָבען ארונטערגעשלונגען דיא גאָלדענע פילע. זיי, דיא „ראדיקאלען“ נאָך דעם מוסטער פון זייער קאנדידאט, דעם עקלהאפטען דעמאגאָג ה ו י ר ס ט, וואָס האָט געקויפט שטימען מיט זיינע מיליאָנען און געוואָרפען חנ׳דלאך צו דיא „מאסען“ אין זיינע ערגסטע פון אלע צייטונגען אין אמעריקא, — זיי איז נאָר געבליבען אָדער צו „באָלטען“ (צוריקציהען זיך) אָדער זיך אונטערצוגעבען. דאָס ערשטע האָט ברייען ניט געהאט דעם מוטה צו טהאָן, דארום האָט ער „מיט האָניג אויף דיא ליפען און גיפט אין הארצען“ ערקלערט, דאָס ער וועט, אלס טרייער דעמאָקראט, שטימען פאר פארקער׳ן.

איינמאָל האָט מען אזוי געמאכט פארקער׳ן פאר א העלד מיט א גאָלדענעם שווערדעל און ברייענען האָט מען צוגעשפאנט צום רייטוואָגען פון דער גאָלדענער קאלב, איז שוין אלעס געגאנגען וויא געשמירט אויף דעם וועג צו מאמאָן׳ס טעמפעל. דיא גאנצע דעמאָקראטישע פארטיי איז פערפאקט געוואָרען אין דיא געלטזעק פון מיליאָנערען. אָט זיינען עטליכע זעהר בעלעהרענדע פאקטען פאר דיא יעניגע זאָגענאנטע „פראָגרעסיסטען“ - סאָציאליסטען, וועלכע האָבען זיך אין 1896 נאָכגעשלעפט נאָך ברייען׳ס זילבער־פערדעל און געמאכט אזא גרויסען וועזען וועגען זיינע פלוידערייען מכח „דיא קלאסען געגען דיא מאסען“.

דער עקזעקוטיווער קאָמיטעט פון דער דע־

מאָקראַטישער פּאַרטיי בעשטעהט יעצט פון לוי־טער מיליאָנערען און אויספּראָבירטע דיענערס פון גרויס־קאַפּיטאַל אין אַלע זיינע פאָרמען, טראַסטס אריינגערעכענט. דער דערמאָנטער בעלמאָנט העררשט דאָרט צוזאַמען מיט מר. גאָפּי, א קעראָסין־מאַגנאַט פון פּענסילווייניא, מר. מאַק־לין, א מיליאָרדער פון אָהייאָ, עקס־סענאַטאָר סמיטה פון ניו־דזשוירסי, א מיליאָ־נער און דיענער פון טראַסטס, סענאַטאָר מאַר־טין פון ווירדזשיניא, א מיליאָנער און טראַסט־מאכער, דעלאַנסי ניקאָל, א בעוואוסטער ניו־יאָרקער אדוואָקאַט פון דיא גרעסטע טראַסטס, א. ז. וו., א. ז. וו.

דער עקזעקוטיווער קאָמיטעט פון דער דע־מאָקראַטישער פּאַרטיי פון שטאַאַט ניו־יאָרק, — דער שווער־פּונקט פון ביידע קאַפּיטאַליסטי־שע פּאַרטייען — בעשטעהט אויך נאָר פון מיל־יאָנערען. דער פּרעזידענט פון דיזען קאָמיטעט איז דער בעוואוסטער פּאָליטיקאַן מאַק־קארען פון ברוקלין, אן אגענט פון „סטענדערד אָיל קאָמפּאַניע“ (דער גרעסטער און רייכסטער טראָסט אין דער וועלט) און א מאַכער אין עט־ליכע אנדערע טראַסטס. זעהר כאַראַקטעריס־טיש איז דער פאַקט, אז דיזער מאַק־קארען האָט עס דער ערשטער פאָרגעשלאָגען צו נאָמינירען פּאַרקער׳ן.... א געוויסער קאָרד מעיער, א מיט־גליעד פון דיזען קאָמיטעט, איז איינער פון דיא וויכטיגסטע פיהרערס פון צוקער־טראַסט.....

ריידענדיג וועגען דיזע פאַקטען, בעמערקט אזא קאָנסערוואַטיווער זשורנאַל וויא דער אמע־ריקאַנער „ריוויו אָוו ריוויוס“ (זעה דעם סעפּ־טעמבער נומער): „אזוי איז עס פּלוצלונג דיא דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אומגעוואַנדעלט גע־וואָרען פון אן „אַרימאַן׳ס פּאַרטיי“ אין דיא גרעסטע פּלוטאָקראַטישע פּאָליטישע אָרגאַני־זאַציאָן אין דער וועלט“.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז עס גאָר איבעריג צו בעמערקען, אז דיא דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט אזוי איגנאָרירט דיא ארבייטער־פראַגע וויא דיא רעפּובליקאַנער. מען האָט אפילו א וואָרט ניט דערמאָנט וועגען דיא רציחות אין קאָלאָראַדאָ, וואו דיא מינען־קע־ניגע טרעטען אונטער דיא פיס דיא קאָנסטי־טוציאָן. (*)

ווען מען לעזט דיא פּראָגראַמען פון ביידע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען און דיא רעדען פון זייערע קאַנדידאַטען, קען מען מיינען, אז עס עקזיסטירט גאָר ניט אין אונזער „גאָלדענער“ רעפּובליק אַזא זאַך, וויא דיא סאָציאַלע פראַגע, און אז איבעראַל העררשט שלום און הארמאָניע צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט. פּאַרקער האָט מורא צו זאָגען א וואָרט וועגען ארבייטער, זו־כענדיג נאָר צופריעדענצושטעלען זיינע בע־פעהלס־געבער, דיא חברה פינאַנסיסטען און טראַסט־מאַגנאַטען, וועלכע גלויבען, אז ער וועט בעסער זיין פאַר זיי, וויא אפילו רוזוועלט. דער שטילשווייגען פון דיא דעמאָקראַטען וועגען קאָ־לאָראַדאָ איז נאָך כאַראַקטעריסטישער קאַפּי־טאַליסטיש וויא דער שטילשווייגען פון דיא רע־פּובליקאַנער, דען דיא דעמאָקראַטען האָבען זיך געקענט בענוצען דערמיט, וואָס פּיבאָדי, דער גובערנאַטאָר פון קאָלאָראַדאָ, איז א רעפּובליקאַ־נער און דערמיט ארויפוואַרפען דיא גאַנצע שולד אויף דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי.

נאָר אפילו וועגען אזעלכע שטרייט־פּונקטען אין דיא רייהען פון קאַפּיטאַליסטען, וויא טאַרי־פען, איז שווער צו געפינען אן אונטערשיעד צווישען פּאַרקער׳ן און רוזוועלט׳ן. פּאַרקער זעלבסט האָט צוגעגעבען, דאָס ווען דיא דעמאָ־קראַטישע פּאַרטיי זאָל זיעגען ביי דיא קומענ־דע וואַהלען, וועט זיא דאַן ניט האָבען, ווייניג־סטענס נאָך גאַנצע פיער יאָהר, א מאַיאָריטעט אין סענאַט, זאָ דאָס מען וועט גאָר ניט קע־נען ענדערן דעם איצטיגען טאַריף. אין בעצוג אויף דיא טראַסטס, וועלכע זיינען ווינט פיר דיא ווינטמיהלען פון דעם טהייל פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס שלעפּט נאָך זיך דיא מיטעלע און קליינע קאַפּיטאַליסטען, האָט פּאַרקער ערקלערט, אז דיא געוועהנליכע געזעצע זיינען גענוגענד געגען מאָ־נאָפּאָלען. וואָס פאַר א היפּוך מיט ברייען׳ס געוואַלדען געגען דיא טראַסטס!...

אלזאָ ניט טראַסטס און ניט זאָגאַר טאַרי־פען — דער געוועהנליכער שלאַכטפעלד פון ביי־דע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען אין דיא פער־איינינגטע שטאַאַטען — זיינען יעצט „אישום“. וואָס־זשע דען? צו וואָס דאַרפען דיא פי־נאַנסיסטען און טראַסט־מאַגנאַטען איבערהויפּט אָנפיהרען א קאַמפּף פאַר צוויי קאַנדידאַטען? ווארום פּאַרקער און ניט רוזוועלט, אדער פער־קעהרט? אין וואָס אייגענטליך איז יעצט דער

*) זעה דעם ארטיקעל „דיא הפקר־וועלט אין קאָ־לאָראַדאָ.“ אין דעם אויגוסט נומער „צוקונפט“ פון דיזען יאָהר.

אונטערשיעד צווישען דיא דעמאָקראטישע און רעפּובליקאנער פּארטייען?

מען דארף זוכען מיט ליכט און דערצו נאָך בענוצען זיך מיט א מיקראָסקאָפּ, אום צו בעמערקען א פּרינציפּיעלען אונטערשיעד — מיר מיינען דאָ נאטירליך פון קאפּיטאליסטישען שטאנדפּונקט — צווישען דיזע פּארטייען. עס איז דיא זעלבע קאפּיטאליסטישע יענטע און אויך מיט דעם זעלבען קאפּיטאליסטישען שלייער, נאָר דיא קנייטשען און פּעלבעלעך פון דעם שלייער זיינען אין מאנכע שטעלען א ביסעל ניט גלייך.

יעדענפאלס דארף מען ניט פערגעסען, אז פון א פּרעזידענט הענגט אָפּ דער שיקזאל פון 200 טויזענד בעאמטע. עס זיינען דאָ גענוג הונגעריגע דעמאָקראטישע פּאָליטיקער, וואָס זיינען זשעדנע זיך צוצוכאפּען צו דער פעטער קהל'שער שיסעל פון אונזער רעפּובליק און וואָס רייסען זיך צו פערכאפּען דיא פּלעצער פון רעפּובליקאנער. דאָס איז אן און פיר זיך א וויכטיגער פּונקט ביי יעדער עלעקשען (וואהל) אין דיא פערייניגטע שטאאטען, בעזאָנדערס נאָך ביי דיא פּרעזידענט־וואהלען. דיא מאכט פון א פּרעזידענט פון אונזער רעפּובליק איז פיעל גרעסער, וויא דיא מאכט פון אירגענד וועלכען קאָנסטיטוציאָנעלען מאָנארך. זיין הערשאפט איז, אמת, א קורצע, בלויז 4 יאָהר, אָבער אין דיזער קורצער צייט קען ער זאָגאר ווערן א דיקטאטאָר.

דער יעצטיגער רעפּובליקאנער פּרעזידענט, קען מען זאָגען, איז געוויסערמאסען געוואָרן א דיקטאטאָר. ער הערשט איבער דעם קאָנגרעס און דיקטירט, וועלכע געזעצע ער וויל דורכפיהרען. ער פיהרט אויך דיא אויסלענדישע פּאָליטיק, וויא ער וויל, און קען זאָגאר אריינשלעפּען דאָס פאָלק אין א מלחמה.

דאָס איז יעצט א פּונקט, וואָס ווערט אלץ מעהר ארויסגעהויבען אין דער היינטיגער קאמפּיין. עס זיינען דאָ פילע גרויסע קאפּיטאליסטען, וואָס האָבען איינפאך מורא פאר רוזוועלט'ס דיקטאטאָרישע פיהרונגען און פאר זיין צו שטארקען מיליטאריזמוס. זיי האָבען יעדענפאלס ווייניג צוטרויען צו איהם, דען ער איז געוואָרן צו אונאבהענגיג פאר זיי. ניט איין מאָל האָט ער בעוויזען, אז ער איז ניט א'ן איינפאכע שפּיעלצייג אין דיא הענד פון דיא פיהרערס פון דער רעפּובליקאנער פּארטיי און אז ער איז אין שטאנד דורכצופיהרען זיין ווילען געגען זייער ווילען. ווייטער איז פיעלע באנקירען און טראָסט־מאגנאטען גאָר ניט געפעלען, וואָס רוזוועלט פערקריכט צו־ווייט אין דער אימפּעריאליסטישער פּאָליטיק פון זיין פּארטיי, וואָס ער טרייבט צו גרעסערע מיליטערישע אויסגאבען, וואָס ער הערט ניט אויף צו ריידען וועגען בויען וואָס מעהר און שנעלער נייע קריעגשיפען און וועגען דער מיליטערישער מאכט פון דער רעפּובליק, וואָס ער טאנצט נאָך צו פיעל דיא אויראָפּעאישע מעכטע אין קאָלאָניאלע פערכאפּונגען און וואָס ער רייסט זיך אריינצודרעהען דיא רעפּובליק אין אינטערנאציאָנאלע פּלאָנטערס און סכסוכים.

קורץ, א גרויסער טהייל פון דיא גרויסע קאפּיטאליסטען פיהלען זיך ניט גענוג זיכער מיט רוזוועלט'ן. דארום האָבען זיי זיך אָנגעכאפּט אָן פארקער'ן, אלס א זיכערע און געהאָרכזאמע ווערקצייג. ער איז כשר פאר זיי לכל הדעות. ער צייגט ניט ארויס א פונק פון זעלבסטשטענדיגקייט און אייגענווילען. ער איז ווירקליך אן אידעאלער פּרעזידענט פאר וואָלל־סטריט. עס איז נאָר שווער געוועזן איהם צו נאָמינירען, טראָץ דעם וואָס ברייען האָט פריהער ערקלעהרט, אז ער איז א רייט־פּערדעל פון וואָלל־סטריט און אז קיין „עכטער“ דעמאָקראט דארף פאר איהם ניט שטימען (יעצט, נאָך דיא נאָמינאציאָן, האָט דערזעלבער ברייען ערקלערט, אז ער וועט אליין שטימען פאר פּארקער'ן...); אָבער וויא נאָר בעלמאָנט מיט זיין חברה פינאנסיסטען זיינען איבערגעקומען דיזע שוויריגקייט, זיינען זיי געוועזן אויפ'ן פערד, און אלעם וואָס זיי איז יעצט געבליבען, איז צוזאמענצוקלייבען וואָס א גרעסערן קריעגס־פאָנד, אום צו קענען פאנגען וואָס א גרעסערע צאָהל שטימען פיר זייער ליעבהארציגען קאנדידאט.

פון ביידע זייטען וועט מען יעצט שיטען מיט געלט, אום צו „בעוועגען“ דיא „פרייע, זעלבסטשטענדיגע און אויפגעקלעהרטע אמעריקאנער בירגער“ צו פערקויפען זייער בכורה פאר רוזוועלט'ן אָדער פארקער'ן. דיא רעפּובליקאנער האָבען א גוטען „זאמלער“ פון „בייטרעגע“ פאר דיא וואהל אויסגאבען אין דער פּערזאָן פון דעם האנדעלס־מיניסטער קאָרטעליו, וועמען רוזוועלט האָט געמאכט פאר דעם פּרעזידענט פון דעם רעפּובליקאנער פּארטיי קאָמיטעט. ער איז א בן בית ביי אלע טראָסטס און גרויסע קא־

פּיטאליסטען און ווייס, וויא ביי זיי נעהמען צו־שטייער אויף דיא קאמפּיין. און דיא מיליאָ־נערען פון דעמאָקראַטישען קאָמיטעט ווייסען אויך, וואו דער הונד ליגט בעגראָבען, דאָס הייסט וואו מען דארף און מען קען קריעגען אויף הוצאות. א פּרעזידענט־וואהל קאָסט אָב אוצרות מיט גאָלד אין אמעריקא. אויב אין א מלחמה דארף מען האָבען דריי זאכען: געלט, געלט און געלט, איז עס נאָך מעהר ריכטיג אין דער פּארטיי ־ מלחמה פון דיא דעמאָ־קראטען און רע־פּובליקאנער. מיל־יאָנען געהן אוועק אויף זאָ ־ גענאַנ־טע געזעצליכע אויסגאבען, וויא צום ביישפּיעל, דרוקען פּארטיי־ליטעראטור, דינ־גען רעדנערס, א. ז. וו. אָבער נאָך מ ע ה ר ווערט אויסגעגעבען שטי־לערהייט ג ע ג ע ן ג ע ז ע ץ, איינ־פאך אום אונטער־צוקויפען וואָו־טערס אויף פּער־שידענע ארטען. דיא רעכנונגען פון דיזע פּאריי־פּאָנ־דען בלייבען א געֿ־היימנים פאר דעם עולם. איין זאך איז נאָר זיכער, אז די מייסטע אויס־גאבען, געזעצליכע און אונגעזעצליכע, ווערן געדעקט פון פּאראינ־טערעסירטע קאפּיטאליסטען, און דארום איז עס אזוי וויכטיג פאר ביידע פּארטייען צו האָבען דיא שטיצע פון וואָלל־סטריט.

דיא קאָמיטעטען פון ביידע פּארטייען האָ־בען עפענטליך פערשפּראָכען צו זיין זעהר עקאָ־נאָמיש, שטרענג און עהרליך אין דיא אויסגא־בען; אָבער מען וויים גאנץ גוט, אז דאָס איז נאָר צו ווארפען זאמד אין דיא אויגען. דער אמת איז, אז דיא פּאָאר מאָנאט פאר דיא עלעקשענס שיט מען מיט גאָלד פון ביידע זיי־טען. אזוי וויא פּארקער איז דער ליעבלינג־קאנדידאט פון וואָלל־סטריט, זאָ איז עס זעהר מעגליך, אז דער דעמאָקראטישער קאָמיטעט וועט האָבען מעהר „גאָלד־ארגומענטען“, וויא דער רעפּובליקא־נער, דאָס הייסט אויך מיט אנדערע ווערטער, אז עס איז מעגליך, דאָס ער זאָל טאקע בע־זיגען רוזעוועלט׳ן. אום צו האָבען גע־נוג געלט, האָבען דיא דעמאָקראטען נאָמינירט פאר וויצע ־ פּרעזי־דענט דעם 80־יעהריגען מיליאָ־נער דייוויס פון וועסט ווירדזשי־ניא, וועלכער איז אן אייזענבאהן־מאגנאט און א ביטערער פיינד פון יוניאָנס.

דיא הויפּט־באטאליע וועט פאָרקומען אין ניו־יאָרק סטייט, וויל ער שטעלט צו 39 עלעקטאָרס פיר א פּרעזידענט. ביידע פּארטייען מאכען דיא גרעסטע אָנ־שטרענגונגען צו געווינען דיזען שטאאט אויף זייער זייט, און דיא ניו־יאָרקער פּאָליטיקער וועלען ווירקליך האָבען א „גאָלדענע“ צייט...



יודזשין וו. דעבס.

* * *

יעצט א פּאָר ווערטער וועגען א דריטע פּאר־טיי. מיר מיינען אונזער פּארטיי — דיא סאָ־ציאליסטישע פּארטיי, וואָס איהרע קאנדידא־

טען פאר פרעזידענט און וויצע־פרעזידענט זיינען אזעלכע פעהיגע מענער און אויסגעצייכענטע רעדנער וויא יודזשין דעבס און בענדזשאמין הענפארד.

אזוי וויא דיא קאפיטאליסטישע פארטייען האבען אפילו ניט איין ספעציעלע „אישו“ פאר דיא פערבלענדעטע ארבייטער, וואס שלעפען זיך געוועהנליך נאך זיי, אזוי וויא זייער גאנצער קאמפף דרייהט זיך הויפטזעכליך ארום דיא פערזאנען פון זייערע קאנדידאטען, וויא מיר האבען עס געזעהען, זא האט דיא סאציאליסטישע פארטיי יעצט אן אויסגעצייכענטע געלעגענהייט צו אגיטירען פיר דעם סאציאליזמוס און צו געווינען וואוטס. אזוי דארף עס זיין טהעארעטיש, אבער פראקטיש, דיא טרויעריגע וואהרהייט צו זאגען, איז עס ניט אזוי. הלואי זאלען מיר א ליגען זאגען, נאר דיא יעניגע, וואס האפען אויף א גרויסען צו־וואקס פון סאציאליסטישע שטימען דיזען נאוועמבער, וועלען וויעדער ענטטוישט ווערען...

מיר קענען זיך ניט טרייסטען מיט אזעלכע זיסע האפנונגען, ניט נאר דורך דיא אלגעמיינע אורזאכען, וועלכע שטערען דיא פערשפרייטונג פון סאציאליזמוס אין דיא אמעריקאנער ארבייטער־מאסען טראץ אלע ביטערע לעקציעס, וואס זיי האבען שוין געקראגען און קריגען, קען מען זאגען, יעדען טאג פון דיא קאפיטאליסטען, זאנדערן אויך, ווייל דיא סאציאליסטען זעלבסט זיינען ניט אייניג. וויא קליין אונזער צאהל איז ניט, זיינען מיר נאך צוטהיילט. עס איז אמת, אז דיא דעליאניטען ווערן אלץ קלענער אין צאהל, אבער דורך דעם געווינט גאר ניט די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי. דער פראנט פון אטאקע אויף דער קאפיטאליסטישער פעסטונג בלייבט געבראכען, און דער ענטהוזיאזמוס פעהלט אין דיא רייהען פון דער קליינער סאציאליסטישער ארמעע.....

עס איז דארום דיא הייליגע פפליכט פון יעדען סאציאליסט צו ארבייטען יעצט פיר דיא שנעלע אויספיהרונג פון דער פארטרעפליכער רעזאלוציאן פון לעצטען אינטערנאציאנאלען קאנגרעס אין אמסטערדאם, אז עס איז נויטווענדיג, דאס אין יעדען לאנד זאל נאר זיין איין פארטיי, אזווי וויא עס איז נאר דא איין פראלעטאריאט.

פאליטיקוס.

---

# פון וואנען שטאמט רעליגיאן?

(נאך הערבערט סעפנסער.)

## דיא אידעען פון טויט און תחית המתים.



[ב]יז יעצט האבען מיר געזעהען, וויא דיא אויסערליכע אומשטענדען ברענגען דעם ווילדען מענשען צום געדאנק, אז יעדע זאך איז א דאפעלטע. לאמיר יעצט איבערגעהן צו דעם מענשען גופא.

וואס איז א חלום? וואסערע געדאנקען ערוועקט אין איהם א חלום? הונגער און פולבלוטיגקייט — ביידע א געוועהנליכע זאך ביי דעם ווילדען — רופען ארויס זעהר לעבעדיגע חלומות. נון, נאך א'ן אונגעלונגענע יאגד און א לאנגען הונגער, פאלט דער ווילדער אוועק מיעד און מאט און שלאפט איין; מיט איין מאל געפינט ער זיך אויף א זעהר גליקליכער יאגד, ער טויטעט, שינדט, קאכט אב זיין רויב און — כאפט זיך אויף גראדע אין דער מינוט, ווען ער וויל אריינגעהמען דעם ערשטען ביסען אין מויל. ער קען ניט זאגען: „עט, דאס איז נאר א חלום“, ווייל ער האט קיין בעגריף פון דעם וואס מען רופט „כח הדמיון“. ער נעהמט דיא פאקטען וויא זיי פאסירען. ער גדענקט גאנץ דייטליך אלעם וואס ער האט געזעהן, וויא ער האט זיך פערמאסטען, וויא ער האט געשינדען דיא הויט, א. ז. וו. אמת, ער געפינט זיך מיט אמאל גאנץ רוהיג ליגענדיג אויף דעם זעלבען ארט, וואו ער האט זיך אוועקגעלעגט, ער פערשטעהט ניט פון וואנען דיזע ענדערונג קומט, אבער וואס מאכט דאס אויס? קנאפ

זאכען זעהט ער, וועלכע ער קען ניט בעגרייפען און וועלכע ער פערשטעהט ניט? אין דער ארומיגער וועלט זעהט ער פילע זאכען וואס בעווייזען זיך און פערשווינדען. ווארום זאל דאס אויך ניט זיין איינס פון דיזע זאכען? און עס זיינען פאראן פילע פאקטען, וועלכע בעווייזען, אז דער ווילדער בעטראכט טאקע דעם חלום אלס א ווירקליכע פאסירונג.

צו וואס פאר א שלוס קען דער ווילדער קומען? ווען ער כאפט זיך אויף דערצעהלט ער דיא פאסירונג אין זיין אונפאלקאמענער שפראך צו אנדערע. ער געדענקט יעדע איינצעלהייט; ער איז איבערצייגט, אז ער איז געווען אוועק. זיינע חברים ווידער זאגען, אז ער איז דיא גאנצע צייט געלעגען אויף איין ארט, און ער זעהט טאקי זיך ליגען אויף דעם פלאץ. ער איז אלזא איבערצייגט אין בייזע זאכען: אז ער איז דא געלעגען און אז ער איז צו דערזעלבער צייט געווען אנדערסוואו. דאס לייכטעסטע, דאס איינפאכסטע פאר איהם איז צו גלויבען, אז ער איז א דאפעלטער, אז ער איז אין אמת'ן צוויי, איינער וועלכער געהט אוועק אויף א צייט ווען דער צווייטער בלייבט איבער.

פיעלע ווילדע פעלקער גלויבען נאך ביז'ן היינטיגען טאג אין דעם. מיר דארפען אבער גאר ניט געהן צו דיא ווילדע, מיר געפינען עס אויך נאך היינטיגען טאג ביי אונז אידען. יעדער פרומער איד, איידער ער געהט שלאפען, זאגט מיט גרויס כונה: „בידך אפקיד רוחי" — אין דיין האנד גיב איך איבער מיין נשמה; און נאך דעם שלאף: „מודה אני לפניך מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי בחמלה רבה אמונתך" — איך דאנק דיר לעבעדיגער און שטארקער קעניג פאר דיין חסד, וואס דו האסט מיר צוריק אבגעגעבען מיין נשמה, ביזט א גרויסער עהרליכער מאן.

נון, ווען דיזע אלע זאכען, וואס דער ווילדער טהוט אין חלום זיינען ווירקליכע זאכען, זיינען דאך דיא מענשען, חיות אדער זאכען, וואס ער זעהט אין חלום, אויך ווירקליכע זאכען. דער ווילדער גלויבט דאס טאקי, און פון דעם קומען ארויס גאנץ אנדערע גלויבענס. ספענסער ברענגט זעהר פילע פאקטען פון דיא ווילדע און וואס עס קומט ארויס פון דעם גלויבען אין חלומות. מיר דארפען אבער זיך ניט אוועקלאזען צו דיא ווילדע, מיר געפינען דאס אלעס ביי זיך אין דער היים: דיא גאנצע אידישע נבואה איז געקומען בחלום ליל; שלמה המלך האט זיך אויסגעקליבען חכמה אין חלום; יעדער איד ווייס פון הטבת חלום, און יעדע אידענע ווייס, אז א חלום מוז מען אויסלעגען צו גוטען. דער תלמוד ווייס אונז אויך צו דערצעהלען א סך גוטע זאכען פון חלומות, און אפילו יעדער היינטיגער איד ווייס געוויס עפעס א מעשה וואס האט זיך געטראפען מיט א חלום. מען קען פון דיזען פערשטעהן, וויפיעל דער גאנץ אורשפרינגליכער מענש האט געקענט גלויבען אין חלומות און ציהען דעם שלוס, אז ער איז א דאפעלטער.

נאך מעהר. דיזער גלויבען אין א צווייטען „איך" שטימט פאלשטענדיג מיט אלע אנדערע זאכען וואס ער קען. אלע זאכען זיינען דאך דאפעלטע, אלע זאכען בעווייזען זיך, ווערען פערשוואונדען און בעווייזען זיך ווידער; איז ער ניט עהנליך צו דיזע אלע זאכען? האבען דיזע זאכען ניט זייער שאטען? האט ער ניט קיין שאטען? ווערט ניט זיין שאטען פערשוואונדען ביי נאכט? זעהט מען ניט בעשיינפערליך, אז דיזער שאטען איז זיין צווייטער „איך", וועלכער וואנדערט אוועק ביי נאכט? דיא גרינלענדער וואס גלויבען דאס, זיינען פון זייער ווילדען שטאנדפונקט גאנץ לאגיש.

לאמיר יעצט איבערגעהן צו אנדערע פאקטען.

ווען א מענש שלאפט, איז ער גאנץ אונבעוועגליך, דיזע אונבעוועגליכקייט אבער בייט זיך איבער אין טהעטיגקייט, ווען דער שלאף ווערט געשטערט. אמת, דיא שטערונג איז ניט אימער גלייך. א מאל איז גענוג נור צו רעדען א ווארט, אנאנדערס מאל מוז מען שרייען הויך, אנאנדערס מאל ווידער דארף מען שטופען אדער גאר רייסען דעם שלאפענדען, דאך ווייס דער ווילדער פון ערפאהרונג, דאס ווען ער ליגט און קען זיך ניט ריהרען, הייבט ער זיך אן צו ריהרען און הייבט אן צו ווערען טהעטיג, ווען מען רופט זיין נאמען, אדער ווען מען גיט איהם א שטופ. אמאל טרעפט זיך אבער, אז דער ווילדער ווערט פערוואונדעט, און פאלט אין חלשות; מען שרייט, מען רופט זיין נאמען, מען רייסט און מען קנייפט, אבער עס העלפט ניט, ער ריהרט זיך ניט. ענדליך, נאך א שטיקעל צייט, איז ער אויפגעוואכט. אפאפלעקסיע איז אין זעהר פילע הינזיכטען עהנליך צו

חלשות, דער מאן איז אנידערגעפאלען, מען שרייט, מען רייסט, אָבער עס העלפט ניט.

פון דיזען קומט ארויס דער גלויבען, אז דער צווייטער „איך" געהט אוועק אויף פער־שידענע צייטען; אמאָל קומט ער צוריק, ווען מען גיט נאָר א פּיפּס, אנאנדערס מאָל מוז מען העכער שרייען, אמאָל דויערט עס אביסעל לענגער, און טהייל־מאָל קומט ער גאָר ניט צוריק.

דיזען אורשפּרינגליכען גלויבען קען מען בעמערקען נאָך היינט פון אונזער שפּראַך: מיר זאָגען נאָך היינט אויף איינעם וואָס האָט גע־חלש'ט: „ער איז געקומען צו זיך".

וואָס פאר א פאָרשטעלונג קען דער ווילדער זיך מאכען פון טויט? ער זעהט פערשידענע פאָרמען פון אונבעוועגליכקייט, וויא שלאָף, חלשות, אפּאָפּלעקסיע, א. ז. וו. נאָך דיזע אלע פּאסירונגען ווערט דער מענש צוריק בעוועגליך; קען ניט געמאָלט זיין, מען זאָל אויך ווערען לעבעדיג נאָך'ן טויט? דיא גאנצע זאך איז דאָך נור, וואָס דער צווייטער „איך" איז אוועק; נו, דיזער „איך" קומט דאָך אָפּט צוריק נאָך א געוויסע צייט, פאר וואָס זאָל ער ניט קענען צו־ריקקומען נאָך א לענגערע צייט?

אז שטארבען איז ניט מעהר וויא דאָס, וואָס דער צווייטער „איך" איז אוועק, דארף מען אידען ניט בעווייזען. יעדער איד וויס, אז דיא נשמה געהט ארויס, ווען א מענש שטארבט. אידען גלויבען זאָגאר, אז אפילו דאן איז דער קערפּער ניט טויט; מיר געפינען: „קשה רימה למת כמחט בבשר החי" (ווערים שטעכען דעם טויטען גראדע וויא שפּילקעס שטעכען א לעבע־דיגען); אידען גלויבען דאָס דעם טויטען'ס קולות הערען זיך פון איין עק וועלט ביז צום צווייטען, און ווען מען זאָל אויפרייסען דיא שוועל פון טהיר וואו דער מת ליעגט, וואָלט מען געקענט הערען דיא קולות.

נון, ווען שטארבען איז ניט מעהר וויא דאָס וואָס דער צווייטער „איך" געהט אוועק, איז דאָך אויך מעגליך, מען זאָל זיך ביי דעם צווייטען „איך" איינבעטען, ער זאָל נאָך בלייבען. ער קומט דאָך אמאָל צוריק, ווען מען רופט איהם. און דאָס ערשטע וואָס דיא ווילדע טהוען איז— אָבצורופען דעם טויטען. איהר וועט זיך שוין אליין עררינערען, אז אידען רופען אויף אָב טויטע. אלע וויסען וויא א אידענע בע־קלאָגט איהר נור־וואָס געשטאָרבענעם מאן, וויא זיא שרייט: „פאר וואָס געהסטו אוועק? וויא לאָזטו מיך מיט דיא קינדער אליין? א. ז. וו." אזוי וויא דאָס רופען העלפט אָבער „וויא א טויטען באנקעס", דעם טויטען הארט דאָך ניט וויא ער לאָזט איבער דאָס ווייב מיט דיא קינ־דער, בעט מען איהם נאכהער מחילה, ער זאָל כאָטש זיין א מליץ יושר און זיך מיהען.

אז אידען גלויבען, אז מען קען מחיה מתים זיין, ווייסען מיר אויך פון דער מעשה מיט אלישה און דאָס קינד וואָס ער האָט לעבעדיג געמאכט, אויף דיא בקשה פון קינד'ס מוטער שונמית.

דיזע אלע זאכען געפינען מיר ביי דיא ווילדע. נאָכדעם וויא זיי האָבען גערופען דעם צווייטען „איך", און ער קומט ניט, נעהמען זיי מאנכעס מאָל און שלאָגען דעם ערשטען „איך" מכת רצח. דיא האָטענטאָטען זידלען, שימפּפען און שלאָגען דיא שטערבענדע, אָדער דיא וואָס זיינען נאָר וואָס געשטאָרבען, דערפאר וואָס זיי געהען אוועק. דיא פידזשענס דענקען, אז רופען דעם טויטען ביים נאָמען איז א סגולה בדוקה ער זאָל ניט אוועקגעהן; דיא פאנטיעס רעדען צו זייערע טויטע, מאנכעס מאָל אין א טאָן פול מיט פאָרווירפע ווייל זיי געהען אוועק; אנ־דערע בעטען זיך ביי דיא נשמה, זיא זאָל זיי אָבהיטען און בעשימצען; דיא קאריבים בעטען „דיא טויטע זאָלען זיי ערקלערען, ווארום זיי געהען אוועק פון דיא וועלט". אויף דיא סאמאא אינזלען זיינען דעם טויטענס פריינדע געגאנ־גען צום גייסטליכען מיט א מתנה און איהם גע־בעטען, ער זאָל פועל'ן ביים טויטען זיך מתודה צו זיין אויף דיא זינד דורך וועלכע ער איז גע־שטאָרבען, א. ז. וו.

און דיזע זאכען טהוען זיי ניט נור וועגען דיא וואָס זיינען נור וואָס געשטאָרבען, נאָר אויך וועגען דיזע, וועלכע זיינען שוין פון לאנג טויט. מיר דארפען דאָ אויך ניט געהן צו דיא ווילדע: אידען געהען נאָך היינט אויף קבר אבות. ווען א יתום אָדער א יתומה האָט חתונה, געהט ער אָדער זיא בעטען דיא פער־שטאָרבענע עלטערן אויף דיא חתונה; ווען יעמאנד איז שטארק קראנק, אָדער ווען עס ברעכט אויס א'ן עפּידעמישע קראנקהייט, לויפט מען בעטען ביי דיא טויטע, זיי זאָלען זיך מיה־ען. אידען גלויבען איבערהויפּט, אז דיא טוי־טע ווייסען אלעס וואָס קומט פאָר און וואָס וועט פאָרקומען אויף דיא וועלט.

דיא גמרא דערצעהלט אזא מעשה : א געוויסער חסיד האָט אמאָל אויסגעגעבען זיין גאנצע געלד אויף צדקה און ער האָט מורא געהאט צו געהן שלאָפען אהיים. הושענא רבה ביי־נאכט איז עס געוועז, איז ער געגאנגען שלאָפען אויף׳ן בית עולם. דאָרט האָט ער געהערט, וויא צוויי מתים זיינען זיך צוזאמענגעקומען און גענומען שמועסען וועגען אונזער זינדיגע וועלט. פון זיי האָט ער אויסגעפונען, אז אלע דיא וואָס וועלען פערזייהען אין דיא ערשטע צייט, וועלען האָבען א געראַטהען יאָהר, וועהרענד דיא וואָס וועלען פערזייהען אין דיא אנדערע צייט וועלען האָבען א ניט געראטהען יאָהר. ער איז געקומען אין שטאָדט אריין און האָט דערצעהלט דיא מעשה צו איינינגע, און דיא וואָס האָבען איהם געפאָלגט, זיינען גליקליך געוואָרען. איבער א יאָהר אין דערזעלבער צייט איז ער ווידער געגאנגען אויף דעם זעלבען פלאַץ. דיא צוויי טויטע פריינד זיינען זיך ווידער צוזאמענגעקומען, האָבען ווידער גענומען שמועסען פּאָליטיק, און ער האָט אויסגעפונען, אז היי־יאָהר, ווער עס וויל האָבען א געראָטען יאָהר מוז פערזייהען אין דיא צווייטע צייט און — כך הוה.

פון דעם גלויבען, אז דער טויט איז נאָר דאָס וואָס דער צווייטער „איך“ איז אוועק פאר א לענגערע צייט, קומט ארויס נאָך א זאך : דער מנהג וואָס מען גיט מיט דיא טויטע עסענווארג. אנדערע ווילדע געבען זאָגאר מיט ווייבער און שקלאפען; איינינגע, וויא דיא איראָקעזען (א געוועזענער אינדיאנער שטאם), לאָזען ברענען פייער אויף דעם קבר, צו געבען דיא נשמה א מעגליכקייט אָבצוקאָכען דיא שפּייז. דיא פאנטיעס שטעלען אוועק פלייש און ויין לעבען דעם טויטען קערפער; דיא ניי־זילענדער, וועלכע גרייטען אויף אַן עסענווארג פיר געשטאָרבנע, בעהויפּטען אז ביי־נאכט קומען דיא נשמות און עסען. ביי אידען, אין מאנכע מקומות, לעגט מען אוועק א שטיקעל ברויט מיט זאלץ אויף דעם טויטען גוף, און איבעראל שטעלט מען אוועק א גלאָז מיט וואסער מיט א טיכעל, „ווייל דיא נשמה קומט זיך טובל זיין“.

דאָס מיטגעבען שפּייז דיא טויטע איז אזוי אלגעמיין, אז מען קען עס געפינען אין אלע טהיילען פון דער וועלט און ביי אלע פעלקער.

אום דער טויטער זאָל ווערען צוריק לעבעדיג, ער זאָל אויפשטעהן תחית המתים, וויא מען זאָגט אויף אידיש, מוז מען זעהען אז דער קערפער זאָל בלייבען ניט געריהרט. דיא קבורה איז דורך דעם געוואָרען ביי פילע ווילדע פעלקער א הייליגע און וויכטיגע זאך. דיא גרעסטע שטראָף פאר דיא עגיפּטער איז געוועזן דאָס פערניכטען פון דעם קערפּער, ווייל זיי האָבען פעסט געגלויבט, אז אָהן דעם קערפּער איז ניט מעגליך קיין תחית המתים. דאָס איז אָהנע צווייפעל דיא אורזאכע, ווארום דאָס באלזאמירען האָט זיך ענטוויקעלט אין מצרים צו אזא הויכע שטופע.

געוויסע נעגערקעס פערקעהרט ווידער, ווארפען אין וואסער דיא קערפּערס פון זייערע פרשטאָרבענע מענער, גלויבענדיג דערמיט צו דערטרינקען דיא נשמות, וועלכע וועלען זיי שוין מעהר ניט קענען אָנמאכען קיין צרות. דיא אביסיניער בעגראָבען ניט זייערע פערברעכער אלס שטראפע.

דאָס איז אין פעללע, ווען מען וויל ניט, דיא טויטע זאָלען האָבען א תקומה. פאר אזעלכע טויטע, וואָס מען וויל זיי זאָלען אויפשטעהן תחית המתים, געבען זיך דיא ווילדע דיא גרעסטע מיה, אז דער גוף זאָל ניט צו שאנדע ווערען; זיי געהען אזוי ווייט, אז דיא קברים ווערען אויף אָבגעהיט. און דאָס ווערט געטהאָן אויף פערשידענע אופנים. נאטירליך, וואָס טהייערער דער טויטער איז ביים לעבען אלץ מעהר מיה גיבט מען זיך צו פערהיטען זיין קערפּער און זיין קבר נאָך דעם טויט.

איינינגע פעלקער שיטען אַן גרויסע בערג מיט ערד, און זיי האלטען עס פאר א׳ן עהרע ארויפצושיטען אביסעל ערד, אנדערע לייגען אַן שטיינער, א. ז. וו. פון דעם זיינען אוראי געקומען דיא גרויסע פּיראמידען אין מצרים.

זיי געהען נאָך ווייטער, דיא ווילדע, אום צו פערהיטען דער קערפּער זאָל ניט פערניכטעט ווערען. דיא פארצייטיגע מעקסיקאנער, למשל, פלעגען זייערע טויטע ארייגלעגען אין א קאָרב און אויפהייגגען אויף א צווייג פון א בוים, „כדי זיי זאָלען זיי ניט דארפען זוכען אין צייט פון תחית המתים“. דיא פּערואנער פלעגען בעהאלטען דיא נעגעל און דיא האָר „כדי זיי זאָלען עס ניט דארפען זוכען אין געטומעל פון תחית המתים“.

און ווידער ווילט זיך דאָ עררינערען אונזערע אחינו בני ישראל. איהר ווייסט אלע, וואָס עס מיינט ביי אידען „קומען צו קבר

ישראל״; איהר ווייסט, אז א׳ן אפיקורוס פלעגט מען „בעגראָבען ביים פּאַרקען״ — קבורת חמור; אויף א צדיק׳ס קבר שטעלט מען א׳ן אוהל; אין קבר אריין גיבט מען מיט „ארץ ישראל ערד״, כדי דער גוף זאָל ניט אין גאנצען פערפוילט ווערען און ריטלעך גיט מען אין דיא הענד אריין אזוי וויא מען שיקט פון אמעריקא א שיפּסקאַרטע, — דער גוף זאָל האָבען מיט וואָס צו עמיגרירען קיין ארץ ישראל.

פון דעם וואָס דיא ווילדע האָבען געגלויבט אין תחית המתים זיינען ארויסגעקומען נאָך אנדערע מנהגים: דאָס קאַליעטשען זיך און דאָס אָבשניידען דיא האָאר צו עהרע פון דעם טויטען. ביי פיעלע ווילדע עקזיסטירט אזא מנהג נאָך ביז היינטיגען טאָג. אז דאָס האָט ביי אידען אויך עקזיסטירט, קען מען זעהען פון דעם פערבאָט אין דער תורה: „לא יקרחו קרחה בראשיכם ולא ישרטו שרטת״. (איהר זאָלט זיך ניט אָבגאָלען דיא קעפּ, און איהר זאָלט ניט צוקראַצען אייערע לייבער). דאָס קריעה רייסען איז אָהן צווייפעל א׳ן איבערבלייבעניץ פון דיזען מנהג.

דיא אלע אויבענדערמאָנטע מנהגים און גלויבענס פיהרען צו דעם שלוס, אז דער ווילדער האָט געגלויבט, דאָס שטארבען איז ניט מעהר וויא דאָס, וואָס דער צווייטער „איך״ איז אוועק אויף א צייט. דיזער גלויבען איז ביז היינטיגען טאָג נאָך איינגעפּלאַנצט אפילו ביי דיא ציווילִיזירטע פעלקער. דיא אידען גלויבען אזוי ווייט, אז זיי גלויבען זאָגאר דאָס איניגע מענשען זיינען איבערהויפּט ניט געשטאָרבען. אזוי געפינען מיר: חנוך איז ארויף אין הימעל לעבעדיגערהייט און איז געוואָרען דער מלאך מטטרון; אליהו הנביא איז ניט געשטאָרבען; „יעקב אבינו לא מת״; „דוד מלך ישראל חי וקים״. דיא גאנצע קריסטליכע רעליגיאָן איז געבויט אויף תחית המתים. נאָך דעם מאָהאַמעדאַנער גלויבען, „שטאַרבען נביאים, מאַרטירער און הייליגע איבערהויפּט ניט, און זייער אייגענטהום בלייבט אימער זייערער״, און גאָר ניט לאַנג צוריק, אין דעם לעצטען יאָהרהונדערט, האָט מען געגלויבט, אז נאַפּאָלעאָן דער ערשטער וועט צוריקקומען נאָך דעם טויט.

## דיא אידעען פון נשמות, רוחות און מזיקים.

איך וויל דאָ נאָך אמאָל עררינערען דעם לעזער, אז דיא אלע פאַקטען ווערען דאָ נור געבראַכט אום צו בעווייזען, אז דער ווילדער מענש האָט אַנדערש ניט געקענט דענקען, נור אויף דעם אופן וויא עס איז אויבען אָנגעצייגט געוואָרען. ער האָט נאָך דאַן פון קיין גאָט ניט געוואוסט; די אלע גלויבענס האָט ער זיך געמוזט בעשאַפען, וויא ווייט זיין פערשטאַנד האָט זיך ביסלעכווייז ענטוויקעלט. ער האָט געזעהען ערשיינונגען און האָט זיי ניט געקענט ערקלערען, און ער איז זיך אזוי ביסלעכווייז געגאַנגען אויף דעם פאַלשען וועג, ביז ער האָט בעשאַפען פריהער א וועלט מיט געטער און נאָכהער ווייטער, ווייטער, ביז עס איז ניט מעהר געבליבען וויא איין הויפּט־גאָט.

דאָס מיינט אָבער ניט, אז עס האָט זיך שטענדיג גראַדע ענטוויקעלט אויף אזא אופן. וויא שוין בעמערקט, קען מען דיא זאַכען בעשטימט ניט וויסען. אָבער ווען מיר בעטראַכטען דיא אלע פאַקטען ניט פון אונזער שטאַנדפּונקט, נור פון דעם ווילדען׳ס, ווען מיר געהן צוריק גאָר צו דעם אָנפאַנג און שטעלען זיך פאָר, וויא אזוי דער ווילדער האָט געקענט דענקען, און ווען מיר אונטערזוכען דאַן דיא פאַקטען, דיא פערשידענע גלויבענס און מנהגים, וויא זיי זיינען אויבען אָנגעגעבען געוואָרען, מוזען מיר קומען צום שלוס, אז אזוי האָט עס געמוזט פּאַסירען.

אלזאָ, יעדע זאַך אין דער וועלט איז א דאָפּעלטע, האָט א צווייטען „איך״. דער מענש איז אויך א דאָפּעלטער, האָט אויך א צווייטען „איך״, וועלכער געהט אוועק און קומט צוריק. וואָס׳ער פּנים האָט דיזער „איך״? וויא זעהט ער אויס און וואָס טהוט ער, ווען געהט ער אוועק, פון וואָס מאַכט ער א לעבען, אזוי צו זאָגען?

דיזע פראַגע וועט יעצט זיין גאַנץ לאָגיש פון דעם ווילדען׳ס שטאַנדפּונקט. און ער האָט דיא פראַגע געשטעלט און פערענטפערט.

עס זיינען פאַראַן פיעלע בעווייזע, דאָס דער ווילדער מענש בעטראַכט דעם צווייטען „איך״ ניט אַנדערש וויא דעם ערשטען; זיי גלויבען, אז דער צווייטער „איך״ קען געהן, שטעהן, עסען א. ז. וו. ספּענסער ברענגט א בעווייז פון סער דזשאָרדזש גרעי, וועמען א׳ן אויסטראַלישע פרוי האָט דערקענט און געלאַסצעט אלס איהר פערשטאָרבענעם זוהן, וואָס איז צוריקגעקומען פון קבר. א געוויסע מיסעס טהאָמסאָן האָבען דיא אויסטראַליער בעטראַכטען אלס איינע פון זייערע

מיטגליעדער, וואָס איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבען, און זיי פלעגען איהר שטארק בעדויערן און זאָגען: „אָרימע, נעבעך! זיא איז גאָר ניט — נור א שאָטען“.

אידען ווייסען אויך, אז מאנכע געהן ארום אויף דעם עולם התהו, און אז מען זאָל ביי אזא איינעם אויפדעקען דיא פּאָלע, ווערט ער פעשיגאינדען.

מאנכע פערואנער פלעגען אויסשיטען קורוזע צו זעהען נאָך דיא טריט צו דער טויטער איז צוריקגעקומען. דיא גמרא זאָגט, ווער עס וויל זעהען דיא מזיקים, זאָל נעהמען ריינע אש און אויסשיטען פאר דיא טהיר, וועט ער זעהען טריט פון הינערשע פיסלעך. אידען גלויבען, דאָס ווען א טויטער קומט צו חלום, טאָר מען איהם קיין זאַך ניט מיטגעבען, ווייל דאַן וועט זיכער געשעהן א'ן אונגליק.

דיא עגיפּטער פלעגען גלויבען, אז א מענש בעשטעהט פון עטליכע חלקים — דיא נשמה, דער גייסט, א. ז. וו. דיא גמרא זאָגט: דריי שותפים האָט א מענש איבער זיך: דעם רבש"ע, דעם פאָטער און דיא מוטער. דיא פאָטער און מוטער בעשאפען דעם גוף און גאָט דיא נשמה; ווען עס קומט דיא צייט פון שטארבען, נעהמט זיך גאָט אָב זיין חלק און לאָזט איבער דיא עלטערן זייער חלק.

דער גלויבען, אז דיא נשמה קען לעבען אָהן א גוף איז אייגענטליך ביי אידען נאָך שטארקער וויא ביי דיא ווילדע. איינס פון דיא צעהן זאכען וואָס זיינען בעשאפען געוואָרען ערב שבת בין השמשות, זאָגט דער פרק, איז געוועזען דיא מזיקים. וואָס איז מזיקים? מאכט דער פרוש: דאָס זיינען געוועזען דיא נשמות, צו וועלכע מען האָט ניט אוספייעט צוצומאכען קערפּערם; און דיזע נשמות אָהן קערפּערם פילען אָן דיא גאנצע וועלט; מיליאָנען און מיליארדען זיינען זיי דאָ; אין בית המדרש, זאָגט דיא גמרא, איז ענג געוועזען פון „יענע לייט“, דיא קליידער פון דיא תנאים זיינען צופוילט געוואָרען פון „יענע לייט“, און ווען דאָס אויג וואָלט זיי אלע געקענט זעהן, וואָלט מען א מינוט ניט געקענט ביישטעהען. דיא אידען וואָס פיהרען זיך על פי כתבי האר"י, לאָזען פרייטאג צו נאכט דיא ברעקלאך אויף דעם טיש צוגעדעקטערהייד; מים אחרונים טאָר מען ניט אויסגיסען אין מיטען שטוב, אליץ צוליעב „יענע לייט“.

פון א דיבוק ווייסען אלע אידען, און אז א בעל מופת קען ארויסטרייבען א דיבוק, איז אויך ניט קיין נייעס. וואָס איז א דיבוק? איינעם'ס א נשמה, וועלכע קען זיך ניט געפינען קיין מקום מנוחה, געהט אריין אין א צווייטען מענשען. א דיבוק געהט ארויס ענטוועדער דורך דעם קוימען אָדער דורך דעם פענסטער, דאַן צוברעכט ער אָבער דיא שויב. דער גלויבען איז אלזאָ, אז דיא נשמה פערנעהמט א געוויסען פּלאץ, אז זיא קען ניט ארויס פון שטוב ביז זיא ברעכט ניט אויס קיין שויב. דיא איראָקעזען לאָזען טאקי איבער א קליינע עפענונג אין קבר, כדי דיא נשמה זאָל קענען צוריק אריין געהן.

דער ערשטער צייכען פון טויט איז וואָס דאָס הארץ הערט אויף צו קלאַפּען און מען הערט אויף צו אָטהמען. איז ניט אמאָל דאָס הארץ דיא נשמה און אפשר גאָר דער אָטהעם? דיא ווילדע גלויבען ביידע זאכען. ביי אידען געפינט מען עטוואָס עהנליכעס. אין דער תורה שטעהט: לא תאכלו את הדם כי הדם היא הנפש. (איהר זאָלט ניט עסען קיין בלוט, ווייל דאָס בלוט איז דיא נשמה).

און ווען דער ווילדער איז געקומען אזוי ווייט, האָט ער שוין געמוזט געהן א טריט ווייטער.

פיער־פיסיגע חיות און פייגעל אָהטמען אויך. הייגט ווען א מענשען'ס אָטהעם איז דאָס דער צווייטער איך, וואָס געהט אוועק ווען ער שטארבט, מוז דאָך דיא חיה'ס אָטהעם, וואָס געהט אויך אוועק, ווען זיא שטארבט, זיין איהר צווייטער איך, האָבען דאָך חיות אויך נשמות. אזוי גלויבען זיי טאקע. דיזע ווילדע, וואָס גלויבען, אז דער שאָטען איז דיא נשמה, גלויבען זאָגאר, אז פלאנצען, בוימער, שטיינער און אלע אנדערע זאכען האָבען נשמות. דיזע אלע זאַכען ווארפען דאָך אויך א שאָטען.

פון דיזע אלע פערשידענע גלויבענס איז מיט דער צייט ארויס געקומען א גאנצע „סיסטעמע“: פריהער דיא נשמות פון פערשטאָרבענע עלטערן און קרובים, דיא וואָס זיינען שוין פון לאנג געשטאָרבען, און דיא וואָס זיינען ערשט ניט לאנג געשטאָרבען, דאַן קומען דיא נשמות וואָס זיינען אוועק אויף א צייט בעת דער מענש שלאָפט. דיזע אלע נשמות זיינען אָבער ניט אלע גוטע נשמות; עס זיינען פאראַן נשמות פון פריינד און נשמות פון שונאים, נשמות פון גוטע מענשען און נשמות פון שלעכ־

טע, פון אייגענע און פון פרעמדע, פון חיות און פון פלאנצען. און דיא נשמות פערמעהרען זיך, וואָס א מאָל קומט מעהר צו. דיא פראגע איז יעצט גאנץ נאטירליך: וויא האלטען זיך דיזע אלע נשמות אויף? געהען דיא גוטע נשמות ארום צוזאמען מיט דיא שלעכטע? וואָהנען זיי, זאָ צו זאָגען, אין דיזעלבע טענעמענט־הייזער, אָדער האָבען זיי פערשידענע וואָהנונגען.

מאכט איין שפרייז פון דיזע פראגע, און איהר קומט אריין אין א „צווייטע וועלט“.

(פּאָרטזעצונג פאָלגט.)

יעקב מילך.

---

# וועגען אידישקייט.

ווען איך האָב בעקומען פון רעדאקטאָר פון דער „צוקונפט“ דעם אויפטראג צו שרייבען פיר דיא „צוקונפט“ אן ארטיקעל איבער דיא קאראאימער, האָט מיר — מוז איך אייך זאָגען דעם אמת — שוין גלייך געגעבען א ליאָקע דיא הארץ. שרייבענדיג איבער אזא טהעמא איז דאָך אונמעגליך ניט צו ריידען אי־בער יודאיזמוס אין אלגעמיין, אָדער וויא הערר פייגענבוים רופט דאָס אָן „אידישקייט“. נו, און וויא פיר אייך גערעדט, בין איך אין וואָס אָנבעלאנגט צו „אידישקייט“ א שטיקעל אפיקורס. וועל איך דאָך מוזען — האָב איך געקלערט — ארויסזאָגען אפיקורסישע מיינונ־גען, וועט ווערן א יעלה פון חסידים, אז איך וועל מוזען אנטלויפען פון ניו יאָרק.

אזוי האָב איך געקלערט, און דיא הארץ האָט מיר געליאָקעט. נאָר ווייל איך ווייס, אז דער איצטיגער רעדאקטאָר איז א ביסעל נוטה צו מתנגדות און דיא לעזער פון דער „צוקונפט“ בעשטעהען דאָך ניט פון חסידים אליין, עס זיי־נען פאראן צווישען זיי אי מתנגדים אי משכילים, וועט גאָט רחמנות האָבען און עס וועט אראָפּ גלאָט. אין יעדען פאל — מוז איך אייך ווייטער זאָגען דעם אמת — האָב איך טאקע, שוין שרייבענדיג דעם דאָזיגען ארטיקעל, אָנ־געגורט דיא לענדען און אָנגעגרייט אן אפיקור־סישען דע מה שתשיב לחסיד.

איהר זעהט אלזאָ, אז הערר פייגענבוים מיט זיין ארטיקעל „פערלען פון אידישקייט“ האָט מיך ניט איבערראשט. איך האָב עטוואָס עהנליכעס ערוואַרטעט. וואָס איך האָב אָבער ניט ערוואַרטעט, איז אן ארטיקעל, וואָס רעדט וועגען אן ערנסטע פראגע און געשריעבען פון א מענשען וואָס האָט שוין צעהנדליג יאָהר געשריעבען ארטיקלען וועגען ערנסטע פראגען, זאָל זיין אזוי פלאך, אזוי קינדיש, מוז איך זאָגען.

א געוויסער קריטיקער האָט בעמערקט — איך געדענק ניט וואו — אז ער נעהמט זיך אָן פון וואָס פיר א בוך, אָדער ארטיקעל איהר וועט איהם געבען ארויסכאפען עטליכע שורות און אויסטייטשען זיי אויף אזא שטייגער, אז דער פערפאסער זאָל קענען פער׳משפט ווערן, וויא א קרימינעלער פערברעכער. אָט דאָס האָט ליי־דער הערר פייגענבוים געטהאָן מיט מיין אר־טיקעל. ער האָט ארויסגעכאפט פון מיטען א פּאָר שורות און ניט בעטראכטענדיג וויא אזוי דאָס פאסט זיך צום גאנצען און איבערהויפט צום עיקר געדאנק, וועלכער איז אויסגעדריקט אין דעם ארטיקעל, האָט ער געמאכט א גוואלד: קאראאול! דיא אידישקייט איז אין געפאהר! נאטירליך, מיין איך ניט יענע אידישקייט, אי־בער וועלכע מר. פייגענבוים שרייבט.

הערר פייגענבוים כאפט ארויס פון מיין ארטיקעל פאָלגענדע פּאָר ציילען: „דיא אידי־שע רעליגיאָן פאָדערט זאָגאר ניט, אז מען מוז גלויבען אין גאָט, וואָס זיא פאָדערט איז מען זאָל לערנען און פאָלגען דיא תורה, אום וויפיעל דאָס בעלאנגט צום לעבען און גליק פון דעם פאָלק“.

אויף דיזע עטליכע שורות שרייבט ער אן א גאנצע מגלה. אין זיין לאנגען פרוש אויף מיינע עטליכע שורות מיהט ער זיך צו געבען מיין ארטיקעל אזא זין, וועלכען ער האָט ניט געהאט און האָט ניט געקענט האָבען. עס זעהט אויס נאָך זיין פרוש, אז דער צוועק פון מיין

ארטיקעל איז געווען צו זינגען שירים ותשבחות דער רעליגיאָן און דעם „אתה בחרתנו“.

פיר אזא בעשולדיגונג האָב איך קיין מורא ניט. יעדער לעזער וואָס געהערט ניט צו א שמאָלער חסידישער קלייזעל, און האָט געלעזען דיא „קאַראַאימער“ פון אָנהויב ביז צום סוף, וועט איינשטימען מ׳ט מיר, אז דער הויפּט־געדאנק, וועלכען איך האָב דאָרט געוואָלט בעווייזען, נעמליך, אז דיא אידישע רעליגיעזע סעקטען האָבען ניט געהאט קיין פּראָגרעסיווע בעדייטונג אין דעם אידישען גייסטיגען לעבען, איז בעוויזען מיט פאקטען, וועלכע קענען ניט אָבגעלייקענט ווערן. דיא פאקטען זיינען פערשיעדענע. אז דיא אידישע מוטער רעליגיאָן איז מעהר פעהיג צו לייזען פרייע געדאנקען, מעהר נוטה צום פּאָרטשריט, וויא איהרע טעכטער דיא סעקטען־בעוועגונגען, איז בלויז איינער פון דיא בעווייזע. אין מיין ארטיקעל „דיא קאַראַימער“ האָט מיר דער פּלאַץ ניט ערלויבט וועגען דעם מעהר צו ריידען. איך וועל דאָס ערקלערען יעצט.

נאָר פריהער פון אלץ איז נייטיג צו ריידען א פּאָר ווערטער וועגען רעליגיאָן אין אלגעמיין. מר. פייגענבוים בעטראכט דיא רעליגיאָן אלס א מאכט פון פינסטערניס, אלס שטערונג פון פּאָרטשריט און פון אלץ, וואָס קומט פון׳ם ניכטערנעם וועלטליכען געזונדען מענשען־פערשטאנד. דאָס זאָגט ער נינג נאָר אין דעם ארטיקעל „פּערלען פון אידישקייט“, דאָס זאָגט ער שוין יאָהרען לאַנג אין דער פּרעססע און אויף מיטינגען. מר. פייגענבוים, וויא עס איז ידוע, האָט זיך גענומען דעם מאָנאָפּאָל פון רעליגיעזע דרשות פיר דיא יוגענד אין אידישען קווארטאל, און קוקט אויף זיך וויא אויף דיא העכסטע אויטאָריטעט אין גאָט־זאכען. עס זיינען געווען צייטען, ווען אין דיא ראדיקאלע אידישע קרייזען האָט ער ווירקליך געגאָלטען פיר דעם העכסטען אויטאָריטעט, ווייל ער איז געווען כמעט דער איינציגער, וואָס איז געווען „בעהאווין“ אין דיא שווארצע פּינטלאך“ פון אידישקייט. יענע צייטען אָבער זיינען פאַרביי. עס זיינען אָנגעשטאנען אנדערע צייטען מיט נייע ראדיקאלען, וואָס האָבען אויך א מאָל אריינגעקוקט אין א „אידישען ספר“, וויא מר. פייגענבוים. זיי האָבען אָבער געקוקט מיט אינגערע אויגען און האָבען ברייטער פערשטאנען דאָס, וואָס זיי האָבען געלערנט. ווען אזעלכע הערען מר. פייגענבוים׳ס דרשות וועגען רעליגיאָן און אידישקייט, שאָקלען זיי מיט׳ן קאָפּ מיט א שמייכעל און שעפּטשען: רבי פייגענבוים, איהר זייט צו אלט, צו אלט מיט אייערע דרשות! א רחמנות חלבען! דיא וועלט האָט געשפּרייזט פאָרווערטס, און איהר שטעהט אימער אויף איין אָרט.....

און מען קען ניט זאָגען, אז זיי זיינען שטארק אונגערעכט. מר. פייגענבוים מיט זיינע בעגריפע וועגען רעליגיאָן בכלל און אידישקייט בפרט מאכט דעם איינדרוק פון אן אלטמאָדישען משכיל פון יענע גוטע אלטע צייטען, פון וועלכע מען דערצעהלט, אז דיא אפּיקורסים אויף צו להכעים גאָט, האָבען בפני כל עם ועדה געגעסען חלב׳נע ליכט, **און זאָל ער וויסען!**

אויף מיר פּערזענליך מאכט הערר פייגענבוים אן איינדרוק פון א מענשען, וואָס האָט אין זיין יוגענד זעהר פיעל געליטען רדיפות פון פאַנאטישע עלטערן אָדער ראשי ישיבות, און דיזע רדיפות האָבען איהם ערביטערט געגען זיינע פערפאָלגער, און דערמאָנענדיג זיך אָן רעליגיאָן און אָן יודאיזמוס, שטעלען זיך איהם פאָר יענע פערפאָלגער, וועלכע האָבען איהם אזוי פיעל געמאכט צו ליידען, און ער מאכט פון דעם פּרט א כלל, וויא דאָס איז אָפט דער פאַל ביי מענשען, ניט זעלטען אפילו הויך ענטוויקעלטע און געבילדעטע, וועלכע זיינען אין געוויסע פונקטען פון זייער וועלט־אנשויאונג ניט אים שטאנדע אויפצוהויבען זיך העכער פון זייערע שמאָלע סובּיעקטיווע געפיהלען.

וואָרים, וויא קען מען אנדערש ערקלערען מר. פייגענבוים׳ס איינשטימונג מיט דעם בעריהמטען פאנאטיקער און פינסטערלינג ר׳ שלמה מאָנפּעלייער, אז דיא ווערדע פון יודאאיזם ליגט ניט אין זיינע פילאָזאָפישע וואהרהייטען און מענשליך קלוגע מאָראל־לעהרען, ווי דער רמב״ם און אנדערע מחקרים ווילען איינריידען, נאָר אין דיא געבאָטען, וואָס „דער מענש פערשטעהט גאָר ניט וואָס פיר א טעם דאָס האָט, און וואָס עס וואָלט דעם מענשליכען שכל גאָר ניט איינגעפאלען“?

מר. פייגענבוים וויל האָבען, אז יודאיזם איז ניט דאָס, וואָס דיא גרויסע אידישע גייסטער דיא נביאים, עזרא, הלל, רבי יוחנן בן זכאי, רבי מאיר, רבי עקיבא, רמב״ם, אבן עזרא, שלמה בן

גבירול, יהודה הלוי, מענדעלסזאָהן, (*), לע־
בענזאָהן האָבען געשאפען, נאָר דאָס, וואָס ר׳
שלמה מאַנפעלייער האָט געוואָלט האָבען

נאָר דיא פארצייטיגע זאָגענאנטע חלבנע
משכילים מיט זייער שמאָלינקער וועלט אנ־
שויאונג האָבען געקענט זאָגען, אז רעליגיאָן איז
אימער געווען א פינסטערע מאכט, אז אלע דיא
יעניגע, וואָס האָבען געשאפען די רעליגיאָן, האָ־
בען קיין אנדער זאך אין זינען ניט געהאט, וויא
מיט א כיוון צו פערפינסטערען דיא מוחות פון
דיא מענשען, צוריקהאַלטען זיי פון יעדען
פאָרטשריט אין דענקען א. ז. וו.

ביי איצטיגער צייט וויים זאָגאר א אינגעל,
וועלכער האָט נאָר אריינגעקוקט אין א ביכעל
וואָס בעשרייבט דיא געשיכטע פון דער מענש־
ליכער ענטוויקלונג, אין א קולטור־געשיכטע, אז
רעליגיאָן איז אימער און איבעראל געווען א
הויכע שטופע פון מענשליכען פראָגרעס. שוין
אויף דיא ערשטע שטאַפּלען פון זייער ענטוויק־
לונג האָבען דיא מענשען געזוכט צו פאָרשען
און צו לערנען דיא כוחות פון דער ארומיגער
נאטור, קעמפפען מיט זיי, בעגרייפען זיי, צו־
פאסען זיי צו זיך און זיך צו זיי. יעדע ער־
פאהרונג אין דער נאטור האָט לאנג, זעהר לאנג
געדויערט און געקאָסט מורא׳דיגע אָפּפער און
איז דעריבער געווען טייער. אז דיא ערפאהרונ־
גען זיינען געווען שוואך, אז דיא פאָרשטעלונ־
גען און בעגריפע ניט פאַלקאָם, אז דיא אלטע
וויסענשאפט האָט נאָר געקענט זיין גלויבען, זיי־
נען דיא אלטע דורות אין דעם ניט שולדיג. דיא
אלטע קוועלען, פון וועלכע מיר לערנען די ענט־
וויקלונג פון רעליגיאָן, זיינען ניט וויסענשאפט־
ליך אויסגעארבייטע סיסטעמען. דאָס זיינען
זאמלונגען פון לעגענדען, מנהגים, בעלעהרונגען,
און דאָס גלייכען. אז זיי קומען אונז פאָר
אָפט וואונדערבאר, איבערנאטירליך, איז דאָס,
ווייל דיא אלטע דורות, זייענדיג שוואך אין
זייערע ערפאהרונגען וועגען דיא נאטור־קרעפ־
טען, האָבען ניט אימער געקענט אונטערשיידען
צווישען נאטירליך און איבער־נאטירליך, אז
זייערע פאָרשטעלונגען, זייערע בעגריפע, זייער
שפראכע זיינען געווען גאַנץ פערשיעדען פון
אונזערע. צונויפפאָרען יהושע בן נון, ר׳ שלמה
מאַנפעלייער און דעם בינעזישען גענעראל סע־
מא וועגען רעליגיאָן, איז פונקט אזוי לאָגיש
וויא צונויפפאָרען א קאָסע מיט א לוח און א
פטום פון אן אתרוג. אורטהיילען וועגען א קול־
טור פון טויזענדער יאָהרען מיט אזוינע קינ־
דערשע ראיות הייסט פשוט מאכען זיך לעבער־
ליך ביי דערוואקסענע מענשען. ווען מען וויל
ריידען ערנסט וועגען רעליגיאָן, דארף מען ניט
צונויפמישען קאשע מיט באָטשווענע, נאָר מא־
כען אן אונטערשיעד צווישען א בייקע און א
היסטאָרישען פאקט, צווישען א צופעליגען
שפּריכוואָרט אָדער גלאט א גוט־וואָרט פון אן
איינצעלנעם מענשען און צווישען אן איינגע־
וואָרצעלטען ג ע ז ע ץ, אָדער א ט ו י ז ע נ ד
י ע ה ר י ג ע ן א י נ ס ט י ט ו ט. איהר
מוזט מאכען א׳ן אונטערשיעד צווישען דאָס,
וואָס איז געזאָגט אָדער געטהאָן געוואָרען מיט
טויזענדער יאָהרען פריהער, און דאָס, וואָס איז
געזאָגט אָדער געטהאָן געוואָרען מיט טויזענדער
יאָהרען שפעטער. איבערהויפט מוזט איהר ווי־
סען, ביי ו ו ע ל כ ע א ו מ ש ט ע נ ד ע ן
דאָס אָדער יענעס איז געזאָגט געוואָרען און
וואָס פיר א ראָלע דער אָדער יענער שפּרוך, דיא
אָדער יענע אינסטיטוציאָן האָט געשפּיעלט אין
דעם פּראַקטישען לעבען פון מענשען. אויף
דעם גרונד פון דיזע אונטערשיידונגען און פער־
גלייכונגען דארף מען זעהען, וועלכע אידעען און
אידעאלען האָבען זיך ווידערהאָלט און איינגע־
קערפּערט זיך אין פראקטישע זיטען, געזעצע,
אינסטיטוטען, וועלכע האָבען געהאט אן איינ־
פלוס אויף דיא ערציהונג פון מענשען, אויף
זייער כאראקטער און גייסטיגע פיזאָנאָמיע דורך
צעהנדליגע דורות.

ווען מיר טוען אזוי, זעהען מיר, צום ביי־
שפיעל, אז דיא מעשה מיט שאול׳ן און מיט
עמלק׳ן, וועלכע מר. פייגענבוים ברייננגט אין
זיינע „פערלען פון אידישקייט“, געהערט צו
די עלטעסטע לעגענדען פון אידישען פאָלק. מיט

---

(*) איך מיין זיך דאָ ניט ארייננמישען אין אַ
פאָלעמיקע וועגען אידישקייט, ווייל איך בין לא
עליכם זעהר שוואך אין דיא אידישע שוואַרצע פינט־
לעך; נאָר וואָס אנבעלאַנגט צו משה מענדעלסאָהן,
זאָ ווייס איך שוין פון זיין „ירושלים“, אַז ער
האָט בעטראַכט דיא אידישע רעליגיאָן גראַדע וויא ר׳
שלמה מאַנפעליער און איבערהויפט וויא פאַנאַטישע
אתה בחרתנו׳ניקעס. אמת, מענדעלסאָהן איז געווען
דער פאָטער פון דיא השכלה, אָבער זיכער ניט מיט
זיין העכסט רעאַקציאָנערע בעטראַכטונג איבער דעם
כאַראַקטער פון דער אידישער רעליגיאָן אַלס א ספּע־
ציעלע לאַסט פון תרי״ג מצות נאָר פיר אידען, וויא
ער האָט עס אויסגעדריקט אין „ירושלים“. — דער
רעדאַקטאָר.

אזוינע לעגענדען איז ארומגערינגעלט דיא ענט־
שטעהונג פון יעדען פאָלק. ארויסכאַפּען איינע
אזא לעגענדע און ברייננען דערמיט א ראיה
וועגען א קולטור וואָס האָט זיך שפּעטער אָנגע־
הויבען און ענטוויקעלט אין דער צייט פון טויי־
זענדער יאָהרען, איז מעהר וויא לעכערליך!
נאָר אפילו דיא דאָזיגע לעגענדע, גוט בעטראַכ־
טענדיג זיא, קען מען פון איהר דרינגען ניט
דאָס, וואָס מר. פייגענבוים האָט געוואָלט.

און ווירקליך: לאָמיר אָננעהמען ביידע פּער־
זאָנען, שאול און שמואל אלס לעגענדארע.
שטעלט זיך ניט אָפּ ביי דער מעשה מיט עמלק.
בעטראַכט זייער לעבען, זייערע שטרעבונגען וויי־
טער. אין שאול'ן קענט איהר מעהר ניט גע־
פינען, ווי די מעלה וואָס דער פּסוק זאָגט אויף
איהם: „כי משכמו ומעלה גבוה מכל העם.“ אז
ער איז געווען העכער פון אלעמען אין וואוקס.
אין דער צייט פון א געפאהר, פון א בעפאַל פון
א שונא, שפּיעלט ווירקליך א ראָליע דיא קער־
פּערליכע מאָס און קראַפט. אָבער ווען עס האנ־
דעלט זיך צו שאפען שטענדיגע אָרדנונג און
רוהע, דאן איז דאָס ווייניג. אין שאול'ן זעהען
מיר פיר דיא גאנצע צייט פון זיין רעגיערונג א
מענשען מיט א קליינליכער נשמה, א מענשען,
וואָס איז בערייט צו אָפּפערן זיין עלטסטען זוהן,
זיין טהראָן־פאָלגער, אבי ניט מבטל צו זיין א
נארישען דעספּאָטישען בעפעהל צו פאסטען אין
דעם טאָג פון דעם פערצווייפעלטעסטען קריעג.
קען רחמנות האָבען אויף בהמות פון'ם פיינד א
מענש, וואָס האָט ניט רחמנות אויף זיין אייגע־
נעם זוהן? ניט דער עדלער געפיהל פון רחמנות
האָט אָבגעהאלטען שאול'ן צו הרג'ענען דיא פיה
פון עמלק, נאָר זיין שוואכקייט, זיין פורכט
פאר'ן פּעביל. דער תירוץ פאר שמואל'ן איז
נאָר געווען אן אויסרייד צו בעהאלטען דיא
שוואכקייט. א גאנצען לעבען ציטערט ער פיר
זיין קרוין. נאָר זיין זוהן'ס טרייהייט צו דעם אי־
בערגעבענעם פריינד פון זיין הויז, צו דוד'ן, ראַ־
טעוועט דיזען צוואנציג מאָל פון שאול'ס הענד.
דיא מורא פאר'ן טהראָן, דיא קנאה צו דעם
גרעסטען העלד, מיט וועלכען זיין אייגענער זוהן
האלט, מאכט איהם פיר א פייגלינג, וואַרפט
איהם אריין אין א מרה שחורה.

אין שמואל'ן זעהען מיר פארקעהרט אן
אמת'ען העלד, א גרויסען פאָלקס־פיהרער, גרויס
אין קריעג און אין פריעדען. ער משפט דאָס
פאָלק און אָרגאניזירט איהם אין קריעג. וועל־
כער פאָלקס־פיהרער קען זיך בעריהמען ביי'ן
ענדע פון זיין לעבען, אז ער האָט ביי'ן פאָלק אן
אייזעל ניט פערנומען? וועלכען פיהרער האָט
דאָס פאָלק עדות געזאָגט אין פנים אזוי שעהן,
אזוי פייערליך: דו האָסט ביי אונז א גראָ־
שען ניט פערנומען? דער קאפּיטעל, וויא שמואל
שילדערט, וואָס א מלך איז, געהערט צו דיא
מערקווירדיגסטע אין דער ליטעראַטור פון דיא
אלטע פעלקער און קען זאָגאר יעצט דיענען
אלס דיא בעסטע פּראָקלאַמאציאָן געגען דע־
ספּאָטיע און טיראַנניי פון מאָנארכיזמוס. (און
ניט איין מאָל האָבען זיך רעפּובליקאנער און רע־
וואָלוציאָנערען בענוצט דערמיט). קוים בע־
מערקט ער, אז זיינע זיהן געהען ניט אין זיינע
וועגען, אז דאָס פאָלק איז מיט זיי ניט צופרי־
דען, איז ער בערייט נאָך ביי זיין לעבען אויסצו־
קלייבען פיר א פיהרער וועמען דאָס פאָלק וויל,
אָבער געגען א הערשער, געגען א קעניג פּראָטע־
סטירט ער מיט אלע קרעפטען און גיט נאָך מיט
א וועהטאָג אין הארצען, ווייל ער ליעבט דאָס
פאָלק און דער מאָמענט איז א קריטישער.

ניט אומזיסט ווערט שמואל אין דער ביבעל
געשטעלט אויף איין שטאפּעל מיט משה'ן, ניט
אומזיסט ווערט ער אין דער אידישער געשיכטע
בעטראַכט אלס דער אמת'ער אָרגאניזאַטאָר און
אויפבויער פון דעם אידישען פאָלק. אין פער־
גלייך מיט שאול'ן זעהט דיזער לעגענדארישער
העלד אויס, וויא א ריעז געגען א מילב. און מר.
פייגענבוים שטעלט אונז איהם פאר וויא א
בלוטדורשטיגע חיה, און שאול איז ביי איהם א
א מוסטער פון גוטהערציגקייט!....

דיא לעגענדע מיט עמלק'ן און מיט אגג'ן,
וועלכע מר. פייגענבוים ברענגט אין זיינע „פּער־
ריל“ ערקלערען זיך גאַנץ איינפאך, ווען מיר
זאָלען טיעפער אריינקוקען אין דיא גלויבונגען
און זיטען פון אמאָליגע פעלקער. דער גלויבען
אז דיא בהמות בעזיצען א מין נשמה וויא מענ־
שען, איז געווען ביי דיא אידען פון אלטערטהום
אויך אזוי איינגעוואורצעלט וויא ביי דיא אלטע
עגיפּטער. דיא ווילדע און שמוציגע טהיערע איז
געווען פערבאָטען צו עסען, אום מען זאָל זיך ניט
אָננעהמען פון זיי מיט בלוט־דורשטיגקייט, ווייל
מען האָט געגלויבט, אז דיא נאַטור פון דיא
אויפגעגעסענע חיות געהט אריין אין דיא מענ־
שען. דיא פעלקער וואָס זיינען געווען פער־
דאָרבען, לויט דעם שטאנדפּונקט פון דער אי־
דישער מאָראל, האָט מען מיט זיי ניט געטאָרט
זיך מתחתן זיין, ניט האָבען מיט זיי קיין מגע

ומשא, כדי זיי זאָלען ניט ווירקען שלעכט אויף די זיטטען פון דעם אידישען פאָלק. אויס דעם שטאנדפונקט האָט מען געמוזט אין קריעג הרג'ענען זייערע קינדער, פערניכטען זייערע פיה, ווייל לויט די אלטע האָבען געגלויבט, איז געווען א פיזישע און גייסטיגע פערוואנד־שאפט צווישען דעם שונא און זיינע פיה. אזעלכע פעלקער האָבען זיך גערעכענט ביי אי־דען די שבעה עממין, די זיבען פעלקער פון כנען. עמלק איז צווישען זיי ניט געווען גע־רעכענט, פערקעהרט עמלק איז געווען א ברודער־שטאם, פון עשו'ס קינדער. אָבער דאָס איז געווען דער ביטערסטער פיינד זייערער, פון ווע־מען זיי האָבען געהאט אויסצושטעהן א סך מעהר וויא פון אלע שכניישע פעלקער. קיין רוהיגען אויגענבליק האָבען פון איהם די אידען ניט געהאט. דאָס איז געווען מעהר א רויבער־שטאם, וויא א פאָלק. דער כאראקטער פון דיזען בלוטדורשטיגען שטאם ווערט אונז גע־שילדערט אין דעם שפרוך, מיט וועלכען שמואל האָט זיך געווענדעט צו אגג'ן בעפאָר ער האָט איהם גע'הרג'עט: כאשר שכלה נשים חרבך, כן תשכל מנשים אמך — וויא דיין שווערד האָט פרויען געראובט זייערע קינדער, אזוי זאָל יעצט דיין מוטער בלייבען קינדערלאָז מעהר פון אלע פרויען. פיעלע בלוטיגע פיינדע האָט געהאט דאָס אידישע פאָלק, נאָר קיין איינציגער פיינד האָט ניט ארויסגערופען אזא ערביטערונג, אזא האסס וויא עמלק. דער גרעסטער יודענפיינד המן האָט לויט דער לעגענדע געמוזט זיין אַ'ן עמלק. די בלוטדורשטיגע חיה רוים האָט לויט אַ'ן אנדער לעגענדע געשטאמט פון עמלק. א פערביסענער אנטיסעמיט הייסט נאָך איצטער ביי דעם אידישען המון „עמלק“.

דיזע אונגעהויערע ערביטערונג צוזאמען מיט די גלויבונגען פון די אידען אין יענע אלטע צייטען ערקלערען גאנץ גענוג פאר וואָס מען האָט בעהאנדעלט די בעזיעגטע עמלקים מיט אזא גרויזאמקייט. ערקלערען הייסט אָבער ניט גוטהייסען. עס בלייבט דאָך א בארבאריי נאָך אונזער איצטיגען שטאנדפונקט. דער פאקט איז אָבער, אז אזעלכע בארבארייען האָבען זיך ביי דעם אידישען פאָלק גאנץ זעלטען געטראָ־פען, זאָגאר אין די עלטסטע צייטען. די אידישע תורה הייסט, אז מען טאָר ניט נאָר דעם פיינד'ס בהמות, אפילו זיינע ב ו י מ ע ר טאָר מען ניט פערניכטען.

מר. פייגענבוים איז אָבער דאָך גאנץ גוט־הערציג און אונפארטהייאיש צו „אידישקייט“. ער איז בערייט צוצוגעבען אז דאָס אידישע פאָלק איז ניט ווילדער פון די האָטענטאָטען. פון דעסטוועגען זעהט איהר פון זיינע „פעריל“, אז ער שטעלט די כינעזישע מאָראל א סך העכער וויא די אידישע. והא ראיה, אז פון דער גאנצער אידישער קולטור האָט ער מעהר ניט אויסגעפונען וויא א בארבאריי, און ער האָט נאָר געדארפט אריינשטעקען א שפיץ פינגער אין דער כינעזישער ליטעראטור, האָט ער געפו־נען אַ'ן אמת'ן פעריל, אזא פעריל וויא די גאָל־דענע ווערטער פון כינעזישען גענעראל סע־מאָ, אז מי טאָר ניט זיין גרויזאם אין מלחמה, אז מי דארף שאנעווען די פעלדער און אלע ניצ־ליכע זאכען פון דעם שונא. אמת, מר. פייגענ־בוים בעמערקט פארבייגעהענדיג אז די ווער־טער זיינען געזאָגט געוואָרען מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק, דאָס הייסט, אונגעפעהר מיט א פאָר טויזענד יאָהר שפעטער נאָכדעם, ווען עס האָט פאסירט אָדער געקענט פאסירען (וואָרום די גאנצע מעשה מיט אגג'ן האָט א כאראקטער פון א פארהיסטאָרישע לעגענדע) די בארבאריי פון שמואל'ן געגען די עמלקים און זייערע פיה.

די אידישע וואנדער־שבטים האָבען זיך נאָר וואָס אָנגעהויבען צו אָרגאניזירען אין א פאָלק. די אידישע תורה, די „אידישקייט“, וויא איהר רופט דאָס, האָט זיך ערשט שפעטער ענטוויקעלט, וויא איך מיט אייך ווייסען. די ווערטער אָבער פון'ם כינעזישען גענעראל סע־מאָ זיינען גלאט ווערטער, גוטע ווערטער אין דער וועלט אריין, און דערצו זיינען זיי געזאָגט געוואָרען אונגעפעהר אין דער צייט, ווען עס איז געבאָרען געוואָרען דאָס קריסטענטהום, און דאָס כינעזישע פאָלק האָט שוין דאמאלס עק־זיסטירט טויזענדער יאָהרען אלס א פאָלק מיט א שטאַרק־אייבגעארבייטע קולטור.

אמת, מר. פייגענבוים פיהלט הפנים, אז ער איז א ביסעל פארקראָכען און ער פארכאפט זיך: „אין דער זעלבער צייט“ — זאָגט ער (ד. ה. ווען עס זיינען געזאָגט געוואָרען די ווערטער פון'ם כינעזישען גענעראל סע־מאָ) האָט נאָך שטארק געגאָלטען דער אויבען־געבראכטער גע־באָט (ניט צו לאָזען קיין לעבעדיגען נפש פון די זיבען פעלקער) פון ז י י ע ר קריגס־גענעראל יהוה צבאות.

צוויי טויזענד יאָהר שפּיעלען ביי מר. פּייגענבוים קיין ראָליע ניט, א פּארהיסטאָרישע לעגענדע ווערט ביי איהם א געזעצליכער געבאָט, ווען ער דארף דאָס נאָר האָבען צו זיינע וואונדער־ליכע ראיות!

דאָך לאָמיר אָננעהמען אויף אַן אויגענבליק, אַז דאָס איז ניט געווען קיין פּארהיסטאָרישע לעגענדע, נאָר א געבאָט, וואָס האָט געהאט דיא בעדייטונג פון א געזעץ. מיט וואָס זשע קענט איהר בעווייזען, אַז אזא געזעץ „האָט מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק נאָך ביי אידען שטארק געגאָלטען“? (מר. פּייגענבוים'ס ווערטער אין זיינע „פּערל“.)

דערמאָהנט זיך, מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק, ווען דיא אידען האָבען געבלוטעט אונטער דעם שרעקליכען יאָך פון רוים, אָט אין יענער צייט, מיינט איהר, האָבען אידען געפיהרט מלחמות מיט דיא שכנים'שע פעלקער, אין יענער צייט האָבען זיי בארבאריש געהרג'עט פרויען און קינדער, בהמות און שעפּסען און אלע ניצליכע זאכען....?

מר. פּייגענבוים, גאָט איז מיט אייך! אָט אזוי שרייבט מען היסטאָריע?

* * *

איך וואָלט געקענט ברייננגען פיעל מעהר „פּעריל“ פון דער כינעזישער ליטעראטור, אזעלכע הויך מאָראלישע שפּריכע און לעהרען, וועלכע איז שווער צו געפינען אין דער ליטעראטור פון אנדערע אלטע פעלקער אין דער וועלט. נאָר וואָס צייגט עס? מיינט איהר, אַז דאָס איז גענוג צו דרינגען דערפון וועגען דעם ווערט פון וועלכער עס איז קולטור? גאַנץ ריכטיג האָט געזאָגט דער רוסישער שרייבער שעלגונאָוו וועגען דיא כינעזישע מוסר: אזעלכע הויכע אידעאלען וועגען גערעכטיגקייט און מענשענרעכט, וויא ביי דיא אלטע כינעזער, געפינט מען זעלטען זאָגאר אין נייערע צייטען ביי דיא אייראָפּעאישע פעלקער, און פון דעסטוועגען זעהען מיר, אַז דיא כינעזישע קולטור, וועלכע האָט געוואוסט פון בוך־דרוקעריי, פון פּאפּירפאבריקאציאָן און אנדערע ערפינדונגען טויזענדער יאָהרען פאר דיא אייראָפּעאישע פעלקער, איז געבליבען שטעהן אויף דער זעלבער שטופּע וויא זיא איז געשטאנען מיט טויזענדער יאָהרען צוריק. ניט קוקענדיג אויף דיא הויכע אידעאלען אין דיא כינעזישע ביכער, ווערן הונדערטער מיליאָנען כינעזער אויף דער שענדליכסטער ארט געדריקט פון א הייפעלע מאנדארינען. רעכט, געזעץ, גערעכטיגקייט זוכט ניט אין כינא. פאר דעם קלענסטען פערברעכען, פיר א ניטבעצאָהלטען חוב פייניגט מען מיט אלע יסורים פון דער אינקוויזיציאָן. דאָס פאָלק, דיא הונדערטע מיליאָנען פון דיא כינעזישע מאססען זיינען פערזונקען אין שקלאפעריי און אונוויסענהייט, אין דארבען, אין הונגער, אין שמוץ, אין שטיקענים און קאטראָזשנער ארבייט. דער קלענסטער כינעזישער בעאמטער איז א קיסר און האָט צו זאָגען איבער'ן לעבען און טויט פון זיינע פּאָדאנעס. דער קלענסטער אויסדרוק פון אונצופרידענהייט ווערט בעשטראפט מיט'ן טויט, מיט דיא שרעקליכסטע אכזריות. אזוי איז געווען מיט טויזענדער יאָהרען צוריק, אזוי איז אויך איצטער. דיא כינעזישע קולטור איז א שטעהענדער זומפּ, וואָס קען ניט ליידען קיין שום נייעם געדאנק, קיין האָאָר פּאָרטשריט.

פאר וואָס־זשע איז דאָס אזוי?

דאָס איז דערפאר, ערקלערט גאַנץ ריכטיג שעלגונאָוו, ווייל דיא כינעזישע ביכער־מאָראל האָט קיין מאָל ניט געהאט א בעדייטענדען איינפלוס אויף'ן לעבען, ווייל צווישען דיא ביכער־מאָראל און דעם לעבען ליעגט ביי דיא כינעזער א תהום. דאָס איז א מאָראל וואָס איז בעשאפען געוואָרען אין דער פאנטאזיע פון איינינגע קיסרים און פּרינצען אידעאליסטען. און דיא שעהנע שפּריכע זיינען געלעגען און ליעגען בחדרי חדרים בעהאלטען ביי דיא קיסרים און מאנדארינען, און איבער דעם פאָלק האָט מען געהערשט און מען הערשט מיט דעם שרעקליכסטען אזיאטישען דעספּאָטיזמוס.

ווען איהר ווילט אורטהיילען וועגען א קולטור פון א פאָלק, איז ווייניג ארויסצוכאפּען א בייקע, א שפּרוך און אויף דעם בויען א געביידע. איהר מוזט ווייזען דעם וועג וואָס דאָס פאָלק האָט דורכגעמאכט, דעם שטראָם וואָס עס האָט אריינגעטראָגען אין דער אלגעמיינער היסטאָריע פון דער מענשהייט, וואָסערע נייע אידעען עס האָט געבראכט, און וויא אזוי עס האָט איבערגעארבייט און דורכגעפיהרט אין לעבען דיא אלמענשליכע אייביגע אידעאלען. קענט איהר ווייזען אין דער כינעזישער געשיכטע און קולטור אויף פּערזאָנען עהנליכע צו דיא נביאים, דיא חשמונאים, א. ז. וו.? און דאָס זיינען געווען מענשען וואָס האָבען ניט נאָר געזאגט, נאָר אויך געטהאָן יעדער אין זיין פאך.

דאָס זיינען געווען מענשען, וואָס האָבען געהאט אן איינפלוס ניט אויף זייער פאָלק אליין, נאָר האָבען געשפיעלט א ראָלע אין דער קולטור פון דער גאנצער מענשהייט. און אזוינע מענשען האָט דאָס אידישע פאָלק ארויסגעבראכט ניט ווייניג. אין דעם פינסטערען מיטעל־אלטער זיינען אידען געווען אויב ניט די איינציגע ווייניגסטענס דיא הויפטפערזאָנען, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט אסטראָנאָמיע, מאטהעמאטיק, מעדיצין און פילאָזאָפיע און האָבען דערהאלטען דעם פרייען געדאנק ביז צו די בעסערע ליכטיגערע צייטען. און אין ליכטיגערע מאָמענטען, אין דער עפּאָכע, ווען עס האָט אָנגעהויבען אויפלעבען וויסענשאפט און קונסט זיינען אידען געווען דיא ערשטע וואָס האָבען אויפגעהויבען אין דער הויך דיא פאָהן פון נייע געדאנקען און געקעמפפט פיר זיי און געגעבען פיר זיי אָפּפער. און אידען זיינען געווען דיא ערשטע וואָס האָבען געלעגט דעם וויסענשאפטליכען פונדאמענט פון סאָציאליזמוס, אָנגעהויבען צו אָרגאניזירען דיא ארבייטער־מאסען אין קאמפף געגען קאפיטאליזמוס און געגעבען און גיבען דעם גרעסטען פראָצענט מארטירער אין דעם רעוואָלוציאָנערען קאמפף פון רוסלאנד.

קענט איהר ווייזען דאָסזעלבע אין דער כינעזישער געשיכטע און קולטור?

איהר מעגט אייך זאָגען וואָס איהר ווילט, הערר פייגענבוים, נאָר איך בין שטאָלץ דארויף, וואָס איך שטאם ניט פון דיא האָטענטאָטען און ניט פון דיא כינעזער, נאָר איך בין א איד.

הייסט דאָס אָבער, אז איך דארף זיין א'ן אתה בחרתנו'ניק, א שמאָלער פאטריאָט? האלטען זיך, וויא איהר זאָגט פיר א זיידענעם יונגען מאנטשיק, פעראכטען אלע אנדערע מענשען און ניט וועלען זיך מיט זיי קנעפּלען? פון וואָנען איז דאָס געדרונגען?

גאנץ פערקעהרט! ווייל איך בין ניט קיין האָטענטאָט און ניט קיין כינעזער, ווייל איך האָב אין מיין יחוס־בריעף אזוינע שעהנע מענשען, וועלכע האָבען גענומען אזא שטארקען אנטייל אין דער א ל מ ע נ ש ל י כ ע ר צ י וו י ל י ז א צ י אָ ן און פראָגרעס, ווייל איך בין א קינד פון א פאָלק וואָס האָט טויזענדער יאָהרען נאָכאנאנד געליטען אונטערדריקונג און דאָך געהאלטען אימער הויך דיא פאקעל פון ליכט, וואָס האָט געגעבען דיא גרעסטע צאָהל פון מארטירער אין דעם קאמפף צווישען ליכטיגקייט און פינסטערנים — דעריבער מוז איך אויך זיין אימער אין דיא פאָדערסטע רייהען פון דיזען קאמפף, אויך האלטען הויך דיא פאקעל פון ליכט, דיא פאָהן פון פרייהייט, און קעמפפען פיר איהר, ליידען פיר איהר.

דענקט איהר ניט, הערר פייגענבוים, אז מיט אזא גאנג, מיט אזא אנשויאונג אויף יודאאיזמוס, וואָס דאָס איז איבריגענס דיא ריכטיגע וואהרהייט, איז פיעל לייכטער צוצוציהען דיא אידישע מאסען צום סאָציאליזמוס, צום פּאָרטשריט, צו בילדונג, וויא ביי יעדער געלעגענהייט אָדער אונגעלעגענהייט זיך אויסלאכען פון „אידישקייט“ און צו ניכטס מאכען דיא אידישע קולטור?

* * *

מיר איז נאָך געבליעבען צו ריידען וועגען „אידישקייט“ אָדער יודאאיזמוס אין אלגעמיין אבער דיא טהעמא איז א צו ערנסטע און צו וויכטיגע אום אָבצו'פטר'ן זיא מיט א פּאָר ווערטער. דאריבער מוז געשריעבען ווערען א גאנצער ארטיקעל, און איך האָף אז דער רעדאקטאָר וועט מיר ערלויבען עס צו טהאָן אין איינעם פון דיא נעכסטע נומערן פון דער „צוקונפט“.

א. ליטווין.

# סודות פון דער נאַטור

## קאָסמאָגאָניע (דיא לעהרע וועגען דיא ענט-שטעהונג פון דער וועלט.)

וואָס! הער איך אויסשרייען פילע לעזער, איהר ווילט אונז געהען דערצעהלען דיא געשיכטע, וויא דיא וועלט איז בעשאפען געוואָרען! האלט איהר אונז דען פיר אזעלכע עם הארצים? דענקט איהר, אז מיר זיינען גאָר אין חדר ניט געגאנגען און קיין חומש ניט געלערנט? עס שטעהט דאָך, דאכט זיך, גאנץ קלאָר געשריבען: „בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ, והארץ היתה תהו ובהו וחשך על פני תהום ורוח אלהים מרחפת על פני המים“.

יא, ליידער, ניט נאָר האָט מען געגלויבט אז „אלהים ברא את השמים ואת הארץ“, נאָר עד היום זיינען פאַרהאנדען צעהנדליגע און הונדערטע מיליאָנען מענשען, וועלכע גלויבען נאָך אין דיא ביבלישע און אנדערע אזעלכע לעגענדען; וועלכע גלויבען, אז פריהער, פון אויביג אָן, האָט זיך גאָט געלעבט שעהן, פיין, רוהיג, אָהן זאָרג, אָהן קאָפּדרעהענים; מיט א מאָל איז איהם אומעטיג געוואָרען און ער האָט בעשלאָסען צו בעשאפען דיא וועלט. גערעדט- געטאָן. ער האָט זיך גענומען צו דער ארבייט, און גאנצע זעקס טעג האָט ער געפּראַציוועט אזוי וויא א קלאָקס-אָפּערייטאָר אין דיא ביזי-צייט, ארבייטענדיג אָווער-טיים, טאָג און נאכט. מען מוז צוגעבען, אז ער האָט פערריכטעט א שעהן שטיקעל ארבייט: פון נ י כ ט ס האָט ער בעשאפען דיא וועלט, דאָס הייסט: דיא ערד מיט אלעס וואָס געפינט זיך אויף איהר און אין איהר. איבער דיא ערד האָט ער אויסגעשפרייט א „געוועלב“, א הימעל, אין וועלכען ער האָט אריינגעזעצט א גרויסען עלעק-טרישען לאָמפּ, וואָס גיט אונז ווארם און ליכט. זיין „ליעבער נאָמען“ האָט אויך ניט פערגעסען אונז צו פערזאָרגען ביי דער נאכט וויינינגסטענס מיט א קעראָסין-לאָמפּ, און מיט א מאסע חנוכה-ליכטלעך... אליין האָט ער זיך דערנאָך בע-זעצט אויף׳ן זיבעטען הימעל, ווייסענדיג מסתמא אין פאָראויס, אז דיא מענשען וועלען מיט דער צייט פערדאָרבען ווערען און זיי וועלען נאָך חס וחלילה אויך א י ה ם קרייציגען אָדער אָנ-טאָן א׳ן אנדער מיתה משונה, ווי זיי האָבען עס שפּעטער געטאָן מיט זיין געליעבטען בן יחיד... און, דעם אמת זאָגענדיג, איז אָט דיזע פלטה געוועזן גאָר ניט איבעריג, דען שוין אין דיא אלטע, אלטע צייטען האָבען זיך געפונען אפיקורסים, וועלכע האָבען זיך שטארק געקלי-בען איהם צו דערטאפּען, און מאכען א תל פון איהם....

נאָך אין דיא גרוי-אלטע צייטען האָבען זיך געפונען אפיקורסים, ביי וועמען עס האָט זיך עפּעס ניט געלעגט אויף׳ן שכל אָט דיא אלע מעשיות. אין דער ערשטער רייהע שטעהען דיא גריכישע פילאָזאָפען, וויא דעמאָקריטאָס, הערא-קליטאָס, עמפּעדאָקלעס, אריסטאָטעל, פּיטאגאָ-ראס און פיעלע אנדערע. עס האָט זיי נאטירליך געפעהלט דיא קענטניסע, דיא אינסטרומענטען, אום צו האָבען א ריכטיגען בעגריף איבער דיא ענטשטעהונג פון דער וועלט; מיר מוזען אָבער שטוינען, וויא גרויס זייער גייסט איז געוועזן, אז אָהן אלעם דעם זיינען זיי געקומען כמעט צום ריכטיגען שלוס, צו וועלכען מיט 3000 יאָהר שפּעטער זיינען געקומען דיא געלערנ-טע, וועלכע זיינען געוועזן בעוואפענט מיט וויס-

*) דיא הויפּט קוועלען, מיט וועלכע איך האָב מיך בענוצט פיר דעם און פיר דיא נעכסטע אַרטיקלען זיינען:

1) באָממעלי: „דיא געשיכטע דער ערדע“.
2) ערנסט העקעל: „דער וועלטרעטהזעל“ און „דיא נאַטירליכע שעפּפונגסגעשיכטע“.
3) אָסוואלד קעהלער: „וועלט-שעפּפונג און וועלט-אונטערגאנג“: „דיא וואונדער דעס קאָסמאָס“.
4) לודוויג ביכנער: „שטאָף און קראַפט“.
5) טשארלס דארווין: „דיא ענטשטעהונג דער אַרטען“; „דיא ענטשטעהונג פון מענשען“.

סענשאפט און מיט אסטראָנאָמישע אינסטרו־מענטען. זאָ, צום ביישפּיל, האָבען לויקיפּ און דע־מאָקריט, וועלכע האָבען געלעבט מיט א 500 יאָהר בעפאָר קריסטוס, געזאָגט, אז די וועלט איז. אורשפּרינגליך ענטשטאַנען פון אטאָמען (אונטהיילבארע שטאָפּטהיילען) וועלכע האָבען עקזיסטירט פון אויביג אָן, און פון זיי האָט זיך געבילדעט די גאַנצע וועלט אָהן די הילפע פון א גאָט אָדער געטער. עפּיקור און לוקרעציוס האָבען שפּעטער דיזע לעהרע מעהר אויסגעארבייט. אזוי האָט זיך די לעהרע ענטוויקעלט פאָרווערטס ביז... ביז מיט דעם רבונו של עולם האָט פּאסירט דאָס, וואָס עס פּאסירט מיט אונז זינדיגע מענשען: עס האָט זיך איהם פערוואָלט איבערלאָזען א קדיש'ל און ער האָט זיך פערליעבט אין די שעהנע אידישע טאָכטער מרים. וואָס ווייטער האָט געפאָלגט ווייס יעדער. און אום, מן הסתם, דער טאטע זאָל ניט האָבען דעמזעלבען שיקזאל וויא זיין איין איינציגער זוהן, האָבען זיך זיינע משרתים גענומען צו דער ארבייט: מיט שווארצע, שטאָק־פינסטערע וואָלקענס האָבען זיי פערצויגען דעם גאַנצען הימעל, זאָ דאָס קיין שטראהל פון ליכט האָט ניט געוואָגט דורכצודרינגען אין דעם פער־פוילטען, פערפעסטעטען תהום פון אבערגלויבען גאַנצע 15—16 יאהרהונדערטע! קיין פרייער געדאַנקען האָט ניט געטאָרט אריסגעזאָגט ווע־רען, ווען דער ארויסזאָגער האָט ניט געוואָלט לעבעדיגערהייט אָבגעבראָטען ווערען.

גאַנצע 36 יאָהר האָט זיך קאָפּערניקוס ארומ־געטראָגען מיט זיין „וועלט אומשטירצענדע" ווערק, נעמליך: אז די ערד דרעהט זיך ארום די זון — מורא האָבענדיג עס צו פערעפענט־ליכען, אום ניט אריינצופאלען אין די גיפטיגע הענד פון די אינקוויזיטאָרס. ערשט, דאַן, ווען ער האָט שוין געפיהלט, אז זיין טויט איז נאָ־הענט, האָט ער עס אין 1519—1522 ארויסגע־לאָזען. זיין פערדאכט איז געווען ניט אומזיסט. דען אין 1600 האָט מען אין רוים לעבעדיג פער־ברענט איינעם פון די איידעלסטע און גרעסטע מענער, זשיאָרדאנאָ ברונאָ, דערפאר וויל ער האָט אין זיינע שריפטען פערברייטעט די לעהרע פון קאָפּערניקוס. גאַליליי, דער ערפינדער פון דעם אסטראָנאָמישען טעלעסקאָפּ, האָט געמוזט עפענטליך ערקלערען פיר פאלש קאָפּערניקוס'עס לעהרע. אויף אזא אופן האָבען די הייליגע, „ליעבע־פרעדיגענדע" גאָט'ס־משרתים געדעבענט אויף אייביג ניט צו לאָזען דורכדרינגען די שטראהלען פון ליכט. זיי האָבען זיך אבער שטארק געאירט אין דעם. האָט קאָפּערניקוס בעוויזען, אז די ערד דרעהט זיך, האָט א'ן אנדערער געניאלער דענקער, קעפּלער (1571—1630 געצייגט, וויא זיא דרעהט זיך. די קרוין אויף דיזער אפּיקורסי־שער לעהרער האָט ארויפגעזעצט איזאַק ניוטאָן (1657), דען ער האָט בעוויזען, וואָרום די וועלטקערפּער בעוועגען זיך. ער האָט בעוויזען, אז די קראפט, וועלכע צווינגט די וועלטקער־פּער פון אונזער זונען־סיסטעם אָהן א'ן אויפ־הער זיך דרעהען ארום דעם צענטראל־קערפּער, די זונן, אזוי וויא זיי וואָלטען געוועזן צו איהר צוגעבונדען, איז די אַנציהונגסקראפט די אַטראַקציאָן אָדער די גראַוויטאַציאָן, מיט וועלכע אָהן אויסנאהמע יעדער שטאָפּטהיילכעל איז בעגאַבט.

„קאָפּערניקוס, זאָגט אול, האָט צוטרייסעלט דעם הימעל און האָט ארויסגעשליידערט די וועלטען אין לעערען רוים. קעפּלער האָט די וועלטען געזעצע געגעבען. אָבער די קראפט, וועלכע טראָגען די וועלטען, וועלכע האלטען זיי אין זייערע וועגען און פערבינדען זיי מיט זייערע צענטראלקערפּער, איז נאָך געווען אונ־בעקאַנט. ניוטאָן איז עס געווען, וועלכער האָט געגעבען דעם נאָמען צו די געהיימניספאָלע אור־קראפט און האָט עס ערהויבען צו א'ן אלגעמיי־נעם נאַטור־געזעץ, פערבינדענדיג אויף אזא ארט דעם הימעל מיט דער ערד".

ערשט אם ענדע פון 16טען יאהרהונדערט האָבען די שטראהלען פון ליכט אַנגעהויבען ביסלעכווייז דורכצודרינגען די שטאָק־פינ־סטערניס פון מיטעל־אלטער. דעקארט, א בע־ריהמטער פראַנצויזישער פילאָזאָף איז, וויא עס שיינט, געווען דער ערשטער, וועלכער איז געקו־מען צום שלוס, אז די וועלט איז ענטשטאַנדען אויף א נאַטירליכען וועג. ער האָט אָנגענומען, אז פון אויביג אָן האָט עקזיסטירט א'ן אורמאַסע, וועלכע איז מיט דער צייט צושפּרונגען אין קלע־נערע שטיקער און אויף אזא ארט האָבען זיך געבילדעט די וועלט־קערפּער. די לעהרע האָט אָהן צווייפעל געהאַט א גרויסען איינפלוס אויף דעם גרעסטען דייטשען פילאָזאָף קאַנט און אויף דעם געניאלען פראַנצויזישען אסטראָנאָם לאַפּ־לאַס. וואָס אַנבעלאַנגט אונזער ערד, האָט דעקארט בעהויפּטעט, אז זיא איז אויך אמאָל

געווען אזוי וויא דיא זונן, א שטראהלענדער, גליהענדער קערפּער, וועלכער האָט זיך ביסלעכ־וויז אָבגעקיהלט און זיך בעדעקט פון אויבען מיט א קאָרע. דיא לעהרע האָט וויטער פער־ברייטעט דער גרויסער דייטשער פילאָזאָף לייב־ניץ (1646—1716), וועלכער האָט בעהויפּטעט, אז דאָס איז געווען דער פאלל מיט אללע וועלטקערפּער און ניט נאָר מיט דיא ערד אליין.

עמאנועל פ. סוועדענבאָרג (1688) איז גע־ווען דער ערשטער, וועלכער האָט אויפגעשטעלט דיא טהעאָריע, אז אללעס עקזיסטירענדע איז אנפאנגס געווען נעבעל און דאמפּף, זאָ דאָס ער איז דער גרינדער פון דער „נעבו־לארהיפּאָטעזע". מיט 5 יאהר שפּעטער איז ער־שינען אין קעניגסבערג דאָס בעריהמטע ווערק פון עמאנועל קאנט: „אלגעמיינע נאטורגעשיכטע און טהעאָריע דעס הימעלס", וואו ער פערטרעט דיא זעלבע אידעע פון „נעבעל" און „דאמפּף" און געהט אריין אין איינצעלהייטען איבער דיא ענטשטעהונג פון דיא פּלאנעטען. כמעט אין דערזעלבער צייט איז פּיער לאפּלאס, גאנץ אונ־אבהענגיג פון קאנט, געקומען צו דיא זעלבע אויספיהרונגען און רעזולטאטען.

לײדער אָבער זיינען דיזע זייערע ווערקע גאנצע 90 יאָהר געבליבען אונבעאכטעט. ערשט אין 1845 האָט אלעקסאנדער הומבאָלדט פון זיי נוצען געמאכט אין ערשטען באנד פון זיין „קאָסמאָס". אָט דיא דריי גרויסע מענער האָבען געלעגט דעם גרונדשטיין פיר דער טהעאָריע, „(נעבעלטהעאָריע"), וועלכע איז יעצט אָנגע־נומען פון דער וויסענשאפט. עס פערשטעהט זיך, אז זיי האָבען בלויז געמאכט דעם אָנהויב, אז אויסגעארבייט, ערקלערט און ענטוויקעלט אין א סיסטעם האָט מען ערשט שפּעטער, ווען מאטעמאטיק, פיזיק, כעמיע, אסטראָנאָמיע, געאָ־לאָגיע און מעכאניק האָבען זיך ענטוויקעלט; ווען דיא פריהערע אינסטרומענטען זיינען פער־פאָלקאָמט געוואָרען, און נייע — וויא צום ביישפּיעל דער ספּעקטראָסקאָפּ — זיינען ער־פונדען געוואָרען. געקרוינט אָט דיא גאנצע ווי־סענשאפט האָט טשארלס דארווין מיט זיין טהעאָריע פון „ענטוויקלונג" און דעם „קאמפּף פיר'ס דאזיין", וועלכע געהט אויך אָן, וויא דיא לעזער וועלען שפּעטער זעהן, צווישען דיא וועלטקערפּער.

איך האָף דער לעזער וועט מיר ניט איבעל נעהמען, וואָס איך האָב אזוי פיעל פּלאַץ פער־נומען מיט דעם בעשרייבען, ווער עס האָט וואָס ענטדעקט וועגען דיא נאטורגעזעצע. איך רעכען, אז דיא גרויסע מענער, וועלכע האָ־בען זייער גאנצע ענערגיע, זייער גאנצע געניאלי־טעט אוועקגעגעבען, אום אויסצופאָרשען דיא סודות פון דער נאטור און אונז עס קלאָר גע־מאכט, פערדיענען וויניגסטענס, אז מיר זאָלען זייערע נעמען וויסען.

בעפאָר איך וועל איבערגעהן צום הויפּט־אינהאלט, האלט איך פיר נעטהיג דעם לעזער בע־קאנט צו מאכען מיט עטליכע פיזיקאלישע גע־זעצע, וועלכע וועלען אונז שפּעטער צו־נוץ קומען.

אללע זאכען פון דער וועלט, וועלכע מען קען אָנטאפּען, זעהען אָדער פיהלען, האָבען אָהן אויסנאהמע צוויי אין זיך עקזיס־טירענדע אייגענשאפטען, נעמליך: זיי בעזיצען אירגענד וועלכען פאָרם אָדער געשטאלט און בעשטעהען פון אירגענד וועלכען שטאָף אָדער מאטעריע. עס גיט ניט אין דער נאטור אזא זאך, וועלכע זאָל ניט האָבען אירגענד וועלכע פאָרם אָדער וועלכער זאָל ניט בעשטעהן פון אירגענד וועלכען מאטעריאל. ווען מיר ריידען וועגען א פּאָרמלאָזע מאססע, מיינען מיר דאמיט צו זאָגען, אז זיא האָט ניט קיין רעגעלמעסיגע געשטאלט, ד. ה., זיא איז ניט קיין קוגעל, ניט פּיראמידע, ניט קיין ציליג־דער, אָבער א פאָרם האָט אויך דיא פאָרמלאָזע מאססע.

אלעס פון וואָס א פיזישער קערפּער בע־שטעהט רופען מיר „שטאָף", „מאטעריע" אָדער „סובסטאנץ". דערפון, וואָס קיין שטאָף איז ניט דענקבאר אָהן א פאָרם אָדער געשטאלט איז גע־דרונגען, אז דיא פערשידענע שטאָפען, פון וועל־כע דיא קערפּער זיינען צוזאממענגעזעצט, האָבען צווישען זיך אלגעמיינעס און געהערען צו איינע און דיזעלבע גרונד־מאטעריע.

דער שטאָף, פון וועלכע דיא פערשידענע קערפּער זיינען צוזאמענגעזעצט ווייזען א גרויסע פערשידענהייט אין געוויכט און הארט־קייט, אין פארב, אין פעסטקייט א. ז. וו., דאָך זיינען פאָרהאנדען אייגענשאפטען, וועלכע זיינען אלגעמיין אין אלע קערפּער אָהן אויסנאהמע. זיי בילדען דיא גרונד אייגעסשאפטען פון דער מאטעריע. זיי זיינען:

דיא אונפערניכטבארקייט, דיא פערמעהר־בארקייט, דיא אונדורכדרינגליכקייט, דיא פּאָראָ־זיטעט אָדער טהיילבארקייט, דיא טרעגהייט

אָדער אינערציע און די שווערקייט.

מיט דעם פראנצויזישען געלעהרטען לאַ־וואוזיע (1773) הייבט זיך אָן א נייער פעריאָד פיר די וויסענשאַפט מכח די מאטעריע פון דער וועלט. ער האָט געגעבען דער כעמיע דעם גרעסטען און וויכטיגסטען אינסטרומענט — די וואָג, דורך וועלכע מיר האָבען ערפאַהרען, אז די מאטעריע קען ניט פערניכטעט ווערען און קען ניט פערמעהרט ווערען. די קלענסטע ברעקעל מאטעריע, דער קלענסטער שטויב קען ניט פון די נאטור אָדער פון'ם מענשען בעשאפען ווערען, אויך קען אזא ברעקעל מאטעריע ניט פערניכטעט אָדער צושטערט ווערען. די פערבינדונג און די פאָרם פון דער מאטעריע קען מען צושטערען, די מאטעריע גופא אָבער קען מען בשום אופן ניט. ווען מיר פערברענען, צום ביישפיעל, א שטיק האָלץ פערליערט דערביי די נאטור גאָר ניט פון די עלעמענטען אָדער שטאָפען, פון וועלכע די שטיק האָלץ איז צוזאמענגעזעצט, ווייל קוילענשטאָף, זויערשטאָף, וואסערשטאָף א. ז. וו. פערבינדען זיך אין אנדערע זאכען. ווען מיר זאָלען אָבוועגען די שטיק האָלץ פאר'ן ברענען און צוזאמענקלייבען נאָך דעם פערברענען די אש, דעם קוילענשטאָף, די וואסערזויערע א. ז. וו., און דאָס אלעס פון דאָס ניי אָבוועגען, וועלען מיר אויסגעפינען, אז קיין האר איז דערביי ניט פערלאָרען געגאנגען, ד. ה., אז עס האָט דיזעלבע געוויכט וויא בעפאָר. א שטיק בליי, וויא איהר ווייסט, איז א הארטער קערפער. ווארעמט עס אָן ביז א געוויסען גראד, פערוואנדעלט עס זיך אין א פליסיגקייט. ווען איהר וועט נאָך ווייטער ווארימען וועט עס זיך פערוואנדלען אין דאמפף. דאָס צייגט, אז די פאָרם, די פערבינדליכקייט צווישען די אטאָמען האָט זיך געביטען, די מאטעריע, פון וועלכע די בליי איז צוזאמענגעזעצט, איז אָבער געבליבען אין די אלע דריי צושטענדע דיזעלבע אונצושטערבאר. ניכטס איז צוגעקומען און ניכטס איז פערלאָרען געגאנגען. היינט וויבאלד קיין אטאָם קען ניט בעשאפען ווערען און ניט צושטערט ווערען, הייסט עס אז ער עקזיסטירט פון אייביג אָן, און דאָס וואָס עס עקזיסטירט פון אייביג אָן איז לעבערליך צו זאָגען, אז א גאָט אָדער אירגענד ווער האָט עס בעשאפען.

די אונדורכדרינגליכקייט פון דער מאטעריע בעשטעהט אין דעם, אז אויף דעם אָרט, וואו עס געפינט זיך שוין א שטיקעל מאטעריע, קען צו דערזעלבער צייט ניט זיין איין אנדערע שטיקעל מאטעריע. ווען אין א פולע גלאָז טהעע שיט איהר אריין א לעפעלע צוקער, גיסט זיך די טהעע אריבער, ווייל דער צוקער האָט פערנומען דעם פלאץ פון דער ארויסגעשטויסענער פליסיגקייט. יעדע שטיקעל מאטעריע מוז האָבען רוים, פלאץ.

פאָראָזיטעט און טיילבארקייט. יעדער שטאָף, יעדע מאטעריע בעשטעהט פון קלייניגע טהיילכעלעך, וועלכע מיר רופען אָן מאָלעקיולען און אטאָמען. מאָלעקיולען איז אָנגענומען צו רופען די קלענסטע טהיילען וועלכע האלטען אָן די אייגענשאפטען און דעם טיפ פון די מאטעריע, וועלכע זיי בילדען. אטאָמען זיינען די בעשטאנדטהיילען, פון וועלכע די מאָלעקיולען זיינען צוזאמענגעשטעלט.

צווישען אָט די קליינע טהיילכעלעך, פון וועלכע יעדע מאטעריע איז צוזאמענגעזעצט, געפינט זיך א רוים, אין וועלכען זיי זיינען ניטא. מיט אנדערע ווערטער: די מאָלעקיולען און אטאָמען, וועלכע בילדען יעדען שטאָף, געפינען זיך ניט אזוי נאָהענט איינע צו די אנדערע, אז זיי פילען אויס דעם גאנצען פלאץ. נאָר עס בלייבט צווישען זיי איבער א רוים, און דעם רוים רופט מען פאָרען. די אייגענשאפט פון יעדע מאטעריע צו האָבען פאָרען הייסט פאָראָזיטעט. אלע שטאָפען, אפילו די געדיכטעסטע מעטאלען וויא פלאטין, שטאָל און זאָגאר דיאמאנטען האָבען פאָרען. וואָס געדיכטער און שווערער דער שטאָף רק קלענער זיינען די פאָרען, אָבער אז יעדער שטאָף האָט פאָרען איז דער בעסטער בעווייז, אז ביים אָפּקיהלען ווערט יעדער שטאָף קלענער.

וואָס אנבעלאנגט צו טהיילבארקייט פון שטאָף, איז וויא קליין מען זאָל א זאך ניט צוברעקלען, קען מען נאָך אימער ווייטער טהיילען, זאָ דאָס די וויסענשאפט איז נאָך דערווייל ניט געקומען צו אזא צושטאנד, אז זי זאָל קענען זאָגען, אז ווייטער קען מען שוין ניט טהיילען די מאטעריע.

אינערציע און שווערע. די צוויי אייגענשאפטען פון דער מאטעריע זיינען כמעט די וויכטיגסטע. אָהן זיי וואָלט מען גאָר ניט געקענט פערשטעהן און זיך ערקלערען די ענטשטעהונג פון דער וועלט. מען וואָלט ניט גע־

קענט האָבען קיין ריכטיגען בעגריף איבער שטאָף. אָהנע אינערציע איז דיא מאטעריע אַ ניכטס. אָהן אינערציע וואָלט קיין ווערמע אין דער וועלט ניט געווען, דען דיא בעוועגונגען פון דיא מאָלעקיולען זיינען מעגליך בלויז אויף דעם גרונד פון אינערציע. דיא דאָזיגע אייגענ־שאפט פון דער מאטעריע בעשטעהט אין דעם, אז ווען א געגענשטאנד געפינט זיך אין א צו־שטאנד פון רוהע, וועט ער רוהען אייביג, ווען ער זאָל ניט געזעצט ווערען אין בעוועגונג פון א'ן אנדער געגענשטאנד, און אומגעקערט, ווען א קערפער געפינט זיך אין א צושטאנד פון בעוועגונג, וועט ער זיך בעוועגען אייביג, סיידען ער וועט אין דעם געשטערט ווערען.

שווערע אָדער גראוויטאציאָן בעשטעהט אין דעם, אז די מאָלעקיולען בעזיצען דיא טבע זיך געגענזייטיג צוציהען. עס פער־שטעהט זיך, אז וואָס גרעסער דיא מאסע, אלץ שטארקער איז דיא צוציהונגס־קראפט. אזוי־וויא אונזער ערד־קוגעל האָט דיא גרעסטע מאסע, דארום ווערט אויך אלעס פון אונזער פלאנעט צו איהר צוגעצויגען. אָט דיא צוציהונגסקראפט איז עס, וואָס מען רופט שווערע, גראוויטאציאָן אָדער איינפאך גערעדט געוויכט. שווערע אָדער געוויכט איז ניט אין דער גאנצער וועלט גלייך. זאָ, צום ביישפיל, אויף דער זון וועגט א זאך צוויי מאָל שווערער וויא אויף דער ערד, און אויף דער לבנה איז מיט 6 מאָל לייכטער א זאך, וויא ביי אונז אויף דער ערד.

דר. איזאַק אָרטמאַן.

(פאָרטזעטצונג פאָלגט.)

# נאָך אַ קריטיקער פון בונד

## אַן ענטפער אויף גענ. מילך'ס אַרטיקעל.

(שלום).

נאָכדעם וויא גענ. מילך האָט אלזאָ דעם לעזער שוין „קלאָר גע־מאכט“ דיא נאציאָנאל פראָ־גראם פון „בונד“, זעהט ער איהם באלד וואָס גרינדליכער צו צוקלאפען. דער „בונד“ זאָגט ער „בעקעמפפט דעם ציוניזמוס זעהר ריכטיג אלס א רעאקציאָנערע און שעדליכע בעוועגונג, ער לאכט אָבער אויך פון דיא זאָ־גענאנטע אסימילאטאָרען“... דיא איינציגע און אמת'ע הילפע איז אלזאָ דאָס אידען זאָלען בלייבען אידען און זאָלען קעמפפען אויף דעם סאָציאליסטישען באָדען, נאטירליך פיר זייערע נאציאָנאלע רעכטע“.

עס קומט אונז ווידער אוים צו בעמערקען, אז גענאָסע מילך גיט מאָדנע אייגענארטיג איבער דיא מיינונגען פון „בונד“. איך מוז וויע־דער בעטענען גענ. מילך אָנצואווייזען אונז דיא קוועלע, פון וואנען ער נעהמט ארוים אזא מיי־נונג. בעפאָר ער טהוט עס, וועל איך דאָס בע־טראכטען נור פיר א פרוכט פון זיין פאנטאזיע.

גענאָסע מילך האָט צומישט צוויי זאכען: אונפערמיידליכעס און ווינשענסווערטהעס. אָנ־ווייזענדיג אימער אויף דיא שעדליכע זייטען פון קאפיטאליזמוס, דייטען אויך דיא סאָציאלדע־מאָקראטען אימער צו אָן אויף זיין פאָרשטריט־ליכע בעדייטונג. דערפון האָבען דיא רוסישע „נאראָדניקעס“ געצויגען א שלוס, אז דיא סאָ־ציאלדעמאָקראטען דארפען אויך מיטהעלפען דעם קאפיטאליזמוס. דער „בונד“ זאָגט, אז אידען עקזיסטירען, אז ניט אָן זיין ווילען הענגט אָב, צו דיא אידען וועלען בלייבען א נאציאָן, אָדער זיי וועלען זיך אסימילירען און זיך צו־מישען מיט דיא איבריגע פעלקער. איין זאך איז אָבער קלאָר, אז דיזע נאציאָן ליידעט פון א בעזאָנדערען דרוק, און אז דיזער דרוק לייגט זיך נאָך אלעמען שווערער פון אלץ אויף דיא אידישע פראָלעטאריער, ער דריקט זיין עקאָנאָ־מישע לאגע, פערדונקעלט זיין קלאסענבע־וואוסטזיין, ארבייט אין איהם אוים אזעלכע אנזיכטען, אז אלע אידען דארפען זיין פער־

איינינגט. ענדליך רופט אויך דיזער שווערער דרוק ארויס פון איין זייט דעם אנטיסעמיטיזמוס, פון אנדערן זייט דיא אָבזונדערונג פון דעם אידישען פּראָלעטאריאט פון דעם קריסטליכען. דאָס איז אלעס ניט קיין טהעאָריע, נור אמת'ע ווירקליכקייט, און ארויסגעהענדיג פון דיזע ווירקליכע צושטענדע און איינזעהענדיג פון אנדערן זייט, אז עס זעהן זיך ניט אזעלכע אורזאכען, וועלכע זאָלען מאכען, אז דאָס אידישע פּאָלק זאָל אין דיא נאָהענטע צוקונפט אונטערגעהן, איינזעהענדיג דאָס אלעס, ציהט דער „בונד" א שלוס, אז דיא אידישע פּראָלעטאריער דארפען זיך אָרגאניזירען אין סאָציאלדעמאָקראטישע פעראיינען, וועלכע זאָלען פון סאָציאל־דעמאָקראטישען שטאנדפונקט לעזען אלע פראגען: דיא עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און נאציאָנאלע. זייענדיג א סאָציאלדעמאָקראטישע אָרגאניזאציאָן און ניט קיין ציוניסטישע, האָט דער „בונד" ניט געזאָגט און אויך ניט געקענט זאָגען, „אז אידען זאָלען בלייבען אידען".

ניט ווייניגער אונזיניג איז אויך דיא צווייטע העלפט פון אייער פראזע, וועלכע מיר האָבען שוין ציטירט, און וואו איהר זאָגט אז „זיי (אידען) זאָלען אויך קעמפּפען אויף דעם סאָציאליסטישען באָדען, נאטירליך פיר זייערע נאציאָנאלע רעכטע".

עס עקזיסטירט א נאציאָנאלע געגנערשאפט; מיט וואוטה קעמפּפען איינע געגען דיא אנדערע פערשידענע פעלקער. דיזער קאמפּף דריקט זיך אויס ניט נור אין דעם וואָס איין לאנד קעמפּפט געגען א צווייטע, זאָנדערן אויך אין דעם, און דאָס איז נאָך פיעל שרעקליכער, וואָס אין לאנד גופא קעמפּפט איין נאציאָן געגען דיא אנדערע. דיזער קאמפּף עקזיסטירט, און דערמיט וואָס מען פערמאכט דיא אויגען איהם ניט צו זעהן, ווערט ער גאָר ניט אָבגעהאלטען. דער נאציאָנאלער קאמפּף דריקט זיך אויס אין אלע מעגליכע פאָרמעס און אופנים פון א פּארלאמענטארישען ביז א'ן עקאָנאָמישען קאמפּף אין יעדער געגענד, אין יעדער פאבריק. קיין זאך שטערט ניט אזוי דעם סאָלידארישען קלאסענקאמפּף וויא אָט דיזע נאציאָנאלע געגנערשאפט, קיין זאך פערדונקעלט ניט אזוי דעם קלאסענבעוואוסטזיין פון דעם פּראָלעטאריאט, וויא דער נאציאָנאלער האס.

דיזע פערפלוכטע פראגע צו לייזען איז איינע פון דיא וויכטיגסטע אויפגאבען פון דער סאָציאלדעמאָקראטיע. ניט נאציאָנאלע רעכטע זיינען דער ציעל פון דער סאָציאלדעמאָקראטיע, דאָס איז נור א מיטעל, — איהר ציעל איז אָבצוריינינגען דעם קלאסענקאמפּף פון פּראָלעטאריאט פון דיא נאציאָנאלע אינטערעסען, וועלכע ווערען אין איהם אריינגעשלעפּט. דיא לייזונג פון דיא נאציאָטנאלע פראגע בעשטעהט אין דעם, אז דיא פראגע זאָל פערניכטעט ווערען. אין דעם בעשטעהט דער גאנצער אָבגרונד, וועלכער ליעגט צווישען נאציאָנאליסטען אן און פיר זיך און סאָציאלדעמאָקראטען, אין דעם איז דער גאנצער אָבגרונד, וועלכער טהיילט אָב דעם „בונד" פון דיא זאָ־גענאנטע ציוינסטען־סאָציאליסטען. דער „בונד" וויל אָברייניגען דעם קלאסענקאמפּף פון אידישען פּראָלעטאריאט פון אלע זייטיגע צומישונגען; דיא ציוניסטען־סאָציאליסטען שטרעבען צו דער „אויפלעבונג פון דיא אידישע נאציאָן". דער „בונד" פאָרבערייטעט דעם אידישען פּראָלעטאריאט ניט צום קאמפּף פיר נאציאָנאלע רעכטע, נור דורך דיזע רעכטע צום קאמפּף פיר'ן סאָציאליזמוס.

נאָר גענאָסע מילך רוקט אלץ אונטער דעם „בונד" געדאנקען וואָס זיינען אין ווידערשפּרוך מיט דעם סאָציאלדעמאָקראטיזם און שמעקען מיט דעם ציוניזם, וועלכעס איז אויך אין מילך'ס אויגען לאָגישער און קאָנסעקווענטער וויא דיא פּראָגראם פון „בונד".

דיא „איסקרא", זאָגט ווייטער אונזער קריטיקער, איז אייגענטליך איינפערשטאנען מיט דעם, וויא דער „בונד" לייזט דיא נאציאָנאלע פראגע, זיא זאָגט נאָר אז דיזע לייזונג קען מען ניט אָנווענדען צו דיא אידען, ווייל דיא אידען זיינען ניט קיין נאציאָן. דיא פראגע, זאָגט מילך, דרעהט זיך דעריבער, צו זיינען דיא אידען א נאציאָן אָדער ניט. מיר מוזען דעריבער לייזען דיזע פראגע, בעמערקט ווייטער גענאָסע מילך — אבער.... אומזיסט וואָלט דער לעזער זוכען א'ן ענטפער אויף דיזע פראגע. גענאָסע מילך האָט מורא זיך אריינצולאָזען אין טיפע חקירות. ער בעהאלט זיך הינטער דר. פארענבערג, אָדער בעסער געזאָגט, הינטער שפּרינגער, וועמעס בוך ער האָט אייגענטליך פּאָפּולאריזירט, און ערקלערט אז דיזע פראגע איז צו פערפלאָנטערט און פערבונדען מיט צו פיעל וויסענשאפטען. דערפאר אָבער געפינט ער א ריכטיגען, א קורצען, און וואָס נאָך וויכטיגער פון אלעס, א גאנץ נייעם

פון איהם אויסגעקלערטען שטאַנדפּונקט. „איך וועל“, זאָגט ער, „דיזע פראַגע בעטראַכטען פון אַ גאַנץ נייעם שטאַנדפּונקט“.

זיין קריטיק פון דעם „בונד'ס“ ארגומענטען נאָך „דעם נייעם שטאַנדפּונקט“, הויבט גענאָסע מילך אָן מיט אַ ציטאַטע פון אַ רעדע, וועלכע אַ פאָרשטעהער פון „בונד“ גענ. בערג האָט געהאַלטען ביי אַ ניו יאָרקער פערזאַמלונג. גענ. בערג'ס געדאַנקען קען מען נאָך גענ. מילך'ס מיינונג אויסדריקען אין די פאָלגענדע ווערטער: „די בעפרייאונג פון אידען איז די זאַכע דער אידען זעלבסט“.

מיר קענען זיך ניט איינהאַלטען ניט צו בעמערקען, וויא מאָדנע עס איז וואָס וועלענדיג אַנאַליזירען אַזא וויכטיגע פראַגע, וועלכע האָט נאָך זיינע אייגענע ווערטער „אָנגעמאַכט אַ רושם ניט נור צווישען די סאָציאַליסטען נור אויך צווישען אידען“, געפינט ניט גענ. מילך פיר נויטהיג זיך צו בעציהען אויף די ליטעראַטור פון „בונד“, נור אויף ווערטער, וועלכע זיינען געזאָגט געוואָרען אויף אַ פערזאַמלונג; הגם דיזע ווערטער שטאַממען פון אַ פאָרשטעהער פון „בונד“. דאָס איז אָבער גלאַט אַזוי. אין דיזער פראַזע וואַרפט זיך גענ. מילך בעזונדערס אין די אויגען דער וואָרט זעלבסט. עס קען דאָך ניט זיין, אַז גענ. מילך איז געגען דעם, אַז אידען דאַרפען קעמפּפען פאַר זייערע רעכטע; דאָס איז דאָך אַזא אַלגעמיין אַנערקענטע זאַך, אַז מען קען ניט חושד זיין דעם שרייבער, אַז ער גראַד זאָל דערמיט ניט איינפערשטאַנדען זיין. אויב דאָס איז אַזוי, קען איך אָבער גענ. מילך זיכער בערוהיגען אַז ניט גענ. בערג, ניט קיין אַנדערער פאָרשטעהער פון „בונד“ איז ווען בעשטאַנען אויף'ן וואָרט זעלבסט, נאָך וויניגער האָט ער דאָס געקענט אויסגעפינען אין דער ליטעראַטור פון „בונד“. דאָס בעווייזט די גאַנצע געשיכטע פון „בונד“; וועגען דעם לוינט זיך זאָגאַר ניט צו דיסקוטירען, און מען דאַרף זיין אבסאָלוט אונבעקאַנט מיט די ריכטיגע צושטענדע אין דער בעוועגונג, אום אַזא זאַך צו בעהויפּטען און אויף דעם עטוואָס צו בויען. גענ. מילך טהוט דאָס אבער יא, ער גיט דעם „בונד“ אַ לעקציע און שרייט אויס: „מענשען-רעכטע קענען זיי (די אידען) קריגען ווען זיי וועלען צוזאַמען מיט אַנדערע נאַציאָנען קעמפּפען פאַר רעכטע פון אַלע מענשען“. איך וועל איבערלאָזען דעם לעזער, וועלכער איז נאָר עטוואָס בעקאַנט מיט דער טהעטיגקייט פון „בונד“ אַליין צו אורטהיילען, וואָס ער דענקט וועגען די מאָראַלע זייט פון אַ מענשען, וועלכער ערלויבט זיך אַזא סאָרט מוסר צו געבען דעם „בונד“.

גענ. מילך האַלט זיך אָבער פעסט פאַר דיזער פראַגע און מיט זיין געוועהנליכע אייזערנע קאָנסעקווענץ טהוט ער אונז אַ פרעג: „וואָרום שטרייט איהר נאָר וועגען די אידען אין פּוילען, ליטאָ און רוסלאַנד? וואָס איז מכה די אידען אין רומעניען, אונגאַרן, גאַליציען און פראַנקרייך, יאָ וואָס איז עפּעס מכח די אָרימע אידען דאָ אין אַמעריקא?“

דאָ ליגט דער הונד בעגראָבען! דאָ האָט דאָס גענ. מילך געכאַפּט דעם „בונד“ פאַר דער האַנד, אין דיזע גיפטיגע פראַגען ליגט דאָס דער גאַנצער שווערפּונקט פון גענ. מילך'ס ניי-ערפונדענעם „שטאַנדפּונקט“.

גענ. מילך, איהר האָט ענטדעקט אַמעריקא, אָבער אַביסעל צו שפּעט. פאַר אייך האָט זיך שוין געפונען אַ'ן אַנדערער, וועלכע פּרעטענדירט אויף דיזע ערפינדונג. (זעה דעם פּראָטאָקאָל פון 2טען קאָנגרעס פון דער פּאַרטיי, זייטע 65).

די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטייען זיינען פּאָליטישע פּאַרטייען, און זיי שטרעבען ארייננצוכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט, דורכצופיהרען די הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט. די סאָציאַלדעמאָקראַטיע פיהרט אַ'ן ענערגישען קאַמפּף מיט די אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז דעם קאַמפּף פיר די הערשאַפט קען די סאָציאַלדעמאָקראַטיע פיהרען נור אין די גרענעצען פון איין לאַנד. נור ביי זיך אין לאַנד האָט זיא אַ מעגליכקייט דורכצופיהרען, אַז איהרע פאָדערונגען זאָלען ווערען געזעצע. אַלס אַ לייטענדער צענטער האָט דער אינטערנאַציאָנאַל געקענט עקזיסטירען נור זאָלאַנג, וויא די סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט זיך נאָך געהאַלטען אין בילדען, זאָלאַנג וויא די סאָצ. דעמ. פּאַרטייען האָבען זיך נאָך געפונען אין אַ צושטאַנד פון נור פּראָפּאַגאַנדאַ-אָרגאַניזאַציאָנען. מיט די ענטוויקלונג פון שטאַרקע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען אין יעדען לאַנד גופאַ איז פיר יעדע לאַנד-פּאַרטיי געוואָרען אַ לעבעריגע נויטווענדיגקייט צו זיין זעלבסטשטענדיג. נור מיט דעם ווייטערען וואוקס פון די סאָציאַלדעמאָקראַטיע פון איין זייט און מיט די ענטוויקלונג פון ענגע פערבינדונגען צווישען פערשידענע לענדער,

ערשט דאן ווען דיא לענדער האָבען אָנגעהויבען
שטארק צו זיין אבהענגיג איינע אָן דיא אנדערע
אין עקאָנאָמישען וויא אין פּאָליטישען הינזיכט
— נור דאן איז געקומען דיא נויטווענדיגקייט
און אויך דיא מעגליכקייט, אז דער פּראָלעטא־
ריאט זאָל צוזאמען ארויסטרעטען מיט פער־
אייניגטע קראפט און צוזאמען אויסאיבען זיין
גאַנצען איינפלוס. דאן ערשט האָבען זיך אָנ־
געפאנגען אינטערנאציאָנאלע סאָציאליסטישע
קאָנגרעסען און נאָך׳ן לעצטען קאָנגרעס איז אויך
ערשיענען א׳ן אינטערנאציאָנאלע ביוראָ.

אָבער דיא אויפגאבען פון דיא קאָנגרעסען
וויא פון ביוראָ איז בלויז אירגענד וועלכע אָרד־
נונג און הארמאָניע אריינצוברענגען אין דיא
אלגעמיינע אטאקעס אויף דיא צענטראלע רע־
גירונגען צו גונסטען פון אלגעמיינע פּאָרדערונ־
גען. דיא בעשליסען פון דיא אינטערנאציאָנאלע
קאָנגרעסען ווערען דאן איינגעקערפּערט אין דיא
פּראָגראמען פון יעדע בעזונדערע לענדליכע
סאָציאל דעמאָקראטישע פּארטיי, און יעדע פּאר־
טיי זעהט אין איהר לאנד דיזע בעשליסע דורכ־
צופיהרען. א מלוכה, איין פּאָליטיש־גאַנצע און
זעלבסטשטענדיגע קערפּערשאפט. וויא פיעל
פערשידענע נאציאָנען עס זאָלען דאָרט ניט וואָה־
נען — דאָס איז דער איינציגער פעלד פיר דיא
פּאָליטישע טהעטיגקייט פון אַלע פּארטייען בכלל
און די סאָציאלדעמאָקראטישע בפרט. דאָס איז
דאָך אלעס אזוי איינפאך, אז עס איז זאָגאר אונז
ניט אנגענעהם וועגען דעם דאָ צו ריידען.

גענ. מילך לאָזט עס אָבער ארויס פון אויג
און שטעלט דאָך זיינע ״שטרענגע אויבען־ציטיר־
טע פראגען. פערשטעהט־זשע שוין איין מאָל
פאר אלע מאָל גענ. מילך: ערשטענס, אז ניט
דיא אויפלעבונג און ווידערגעבורט פון דיא
אידישע נאציאָן איז דער ציעל פון „בונד“. נור
דיא אויסרייניגונג פון דעם קלאסענקאמפף פון
אידישען פּראָלעטאריאט פון יעדע צומישונג פון
אָט דיזע ציוניסטישע וועלט־אנשויאונג. און
צווייטענס אז נור אין דיא גרענצען פון דיא
מלוכה וואו ער ארבייט, ד. ה. אין ליטא, פּוילען
און רוסלאנד, קען דער „בונד“ אלס פּאָליטישע
פּארטיי שטרעבען דורכצופיהרען אין לעבען זיין
פּאָליטישע פּראָגראם און אונטער אנדערע אויך
דיא נאציאָנאלע רעכטע פיר דיא אידען.

דער „בונד“ האָט געקענט געבען זיין וועג
און זיין פּראָגראם וויא צו לייזען דיא יודענ־
פראגע, אָבער דורכצופיהרען דיזע פּראָגראם מוז
ער איבערלאָזען דיא פּאָליטישע פּארטייען פון
דיא אלע לענדער, וועלכע איהר האָט אויסגערע־
כענט, און נאָך פון פילע אנדערע. עס איז
זעלבסטפערשטענדליך, אז אויב יענע פּארטייען
וועלען האלטען פאר מעגליך אריינצונעמען דיזען
פּונקט אין זייער פּראָגראם, וועלען זיי שוין אליין
אריינברענגען אזעלכע ענדערונגען, וועלכע זיינען
נויטיג אונטער דיא פּאָליטישע צושטענדע פון
זייערע לענדער.

איך וויל זיך ניט פערנעהמען מיט דער
פראגע „מכח דיא אָרימע אידען אין אמעריקא“.
וויא ווייט איך קען אורטהיילען, זיינען דאָ דיא
צושטענדע גאַנץ אנדערס, ווענינגסטענס דאָ איז
נאָך פּאָרלויפיג ניטאָ קיין פעסט בעשטימטע
אמעריקאנער נאציאָן, דאָ האָט מען נור א׳ן
אמעריקאנער פּאטריאָטיזמוס. דיא נאציאָנען
אסימילירען זיך באלד און דיא אמעריקאנער נא־
ציאָן האלט זיך נאָך אין בילדען. עס געהט אָן
א שטענדיגער פּראָצעס פון געגענזייטיגע אסימי־
לאציאָן. ביסלעכווייז ארבייט זיך אויך אויס
איין שפּראך. דעם פּראָצעס פון אסימילירונג
שטערט דיא אונגעהויערע אימיגראציאָן. ווען
ניט דאָס, וואָלט שוין דיא אסימילירונג לאנג
אויסגעארבייט איין שארף אָבגעגרענצטע אמע־
ריקאנער נאציאָן. אונטער אזעלכע אומשטענדען
איז שווער עס זאָל זיך קענען אויסארבייטען א
נאציאָנאלקאמפף, וועלכער זאָל פערדונקלען דעם
קלאסענקאמפף. און אויב אירגענד וועלכער
פונק פון נאציאָנאלען קאמפף ווייזט זיך דאָך
ארויס, איז עס נור אויף אזוי ווייט וויא פיעל
דער געפיהל ווערט אריינגעבראכט דורך דיא
עמיגראנטען פון זייערע אלטע היימען.

איך ווידערהאָל אבער נאָך אמאָל, דיזע פּרא־
גע קען ניט דעם „בונד“ אינטערעסירען. זיין
ציעל איז ניט דיא ווידערגעבורט פון דער אי־
דישער נאציאָן, איהם אינטערעסירט דיא נאציאָ־
נאלע פראגע נור אויף אזוי פיעל, אויף וויא פיעל
איהר עקזיסטענץ שטערט דעם קלאסענקאמפף
און פערדונקעלט דעם קלאסענבעוואוסטזיין פון
פּראָלעטאריאט. וויא ווייט נאציאָנען עקזיסטי־
רען, וויא ווייט עס איז דאָ א נאציאָנאלער בע־
וואוסטזיין, וויא ווייט איין נאציאָן
שטרעבט צו אונטערדריקען דיא אנדערע,
אזוי פיעל דארף דיא נאציאָנאלע
פראגע וויא אלע אנדערע פראגען פון
ינזער ווירקליכען לעבען אינטערעסירען דיא
יאלדעמאָקראטיע.

דיא לייזונג פון דיזע פראגע דארף אויף זיך נעהמען דיא סאָציאַלדעמאָקראטיע, ווייל אנדערס שטעהט איהר דיא געפאהר, אז דיא בורזשואזע פארטייען וועלען זיך פאר דיזע פראגע נעהמען וויא זיי טהוען שוין איצט, און דיזע וועלען שוין דאן ארייננשלעפען דיא ארבייטער אין דעם זומפף פון דיא אייביגע נאציאָנאלע שטרייטען.

וויא בעקאנט, לייזט דער „בונד“ דיא נאַציאָנאלע פראגע בכלל און דיא אידען־פראגע בפרט אויף אזא אופן, אז דיא פערוואלטונג פון אלע קולטור־אנגעלעגענהייט ווערט איבערגעגעבען יעדער נאציאָן גופא און ניט דעם שטאאט; ער פאָדערט א קולטורעלע נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע, ד. ה., אז יעדע נאציאָן זאָל זיין אויטאָנאָם אין אלע פראגען פון איהר קולטור, פונקט אזוי וויא רעליגיאָן ווערט היינט ערקלערט פיר פריוואט זאך. איינמאָל וועט יעדע נאציאָן אליין פערוואלטען איהרע קולטור־אנגעלעגענהייטען, וועט שוין אין אלע נאציאָנאל־קולטורעלע איינריכטונגען ניט קענען זיין קיין אנדערער קאמפף אויסער א קלאסענקאמפף; אויסערהאלב פון קולטור זאכען, אין אלע פאָליטישע פראגען וואָס זיינען נוגע דעם אלגעמיינעם שטאאט אָדער דיא איינצעלנע פראָווינצען, נעהמען דיא מיטגליעדער פון אלע נאציאָנען אנטהייל וויא גלייכע בירגער פון איין מלוכה. דער פארלאמענטארישער קאמפף וועט ניט האָבען צו טאָן מיט נאציאָנאלע פראגען און וועט אויך ווערען א ריינער קלאסענקאמפף.

יעצט פערשטעהען מיר אויך וויא לעכערליך עס איז געג. מילך'ס ארגומענטאציע, ווען ער ערקלערט, אז דער דייטש וואָס קומט צו פאָהרען קיין אמעריקא קען זיין ענטוועדער א פרעמדער און דאן בלייבט ער א דייטש, אָדער ער ווערט א בירגער, אָבער דאן „איז ער א'ויס דייטש“. געג. מילך קען ניט בענעהמען, אז מען קען זיין א דייטש, א איד, א פּאָליאק און צו דערזועלבער צייט א'ן אמעריקאנער בירגער. ער ווייס נור פון פרעמדע און אייגענע. פאר וואָס אָבער, געגנאָסע מילך, קען עס ניט געבען א דייטש וועלכער זאָל בעלאנגען צו דער דייטשער נאציאָנאליטעט און דאָך ניט זיין קיין דייטשער אונטערטהאן? פאר וואָס קענט איהר זיך ניט פאָרשטעלען, אז איינער זאָל זיך בעשעפטיגען מיט דיא פערוואלטונג פון אלע פראגען פון דיא דייטשע קולטור אין אמעריקא און דאָך זיין א'ן אמעריקאנער בירגער? מען קען זיך דאָך יא פאָרשטעלען א מאן, וועלכער זאָל זיין א מיטגליעד פון א געוויסען ליטערארישען פעראיין, און זיך דאָך רעכנען פיר א בירגער פון דעם לאנד, וואו ער וואָהנט. אבער געגנאָסע מילך קען זיך ניט פאָרשטעלען א נאציאָן, סיידען ווען זיא האָט א געוויסע אייגענע שטיק לאנד, אבער וויא קומט עס דאן, וואָס געגנאָסע מילך אנערקענט דיא אידען אלס נאציאָן? עס איז גאָר ניט נויטיג, געג. מילך, זיך צו בעציהען אויף אזעלכע גרויסע אויטאָריטעטען וויא מארקס און מענדעלסאָן, אום צו אנערקענען, אז דיא אידען וואָס וואָהנען אין רוסלאנד זיינען רוסישע אידען, דיא וואָס וואָהנען אין דייטשלאנד, דייטשע אידען, פונקט אזוי וויא עס איז ניט נויטיג זיך צו בעציהען אויף גרויסע מאטעמאטיקער, אום צו בעווייזען, אז צוויי מאָל צוויי איז פיער. אָבער וואָס הייסט עס, אויב ניט דאָס, אז מען קען זיין א איד, אָדער בעסער געזאָגט, אז מען קען זיין א אידישע נאציאָן, וועלכע זאָל אליין פערוואלטען איהרע נאציאָנאלע קולטור־אנגעלעגענהייטען און צו דערזועלבער צייט זאָלען דיא אידען בלייבען רוסישע בירגער, זאָגאר רוסישע פאטריאָטען. מיט אנדערע ווערטער, מען קען אין נאציאָנאלען לעבען אנטהייל נעהמען אלס איד און אין פּאָליטישען אלס רוסישער בירגער. געגנאָסע מילך לאכט אָב פון דעם „בונד“ וויא דער „בונד“ קען בעהויפטען, אז דיא אידען זיינען ניט קיין פרעמדע אין רוסלאנד, ניט קיין פרעמדע אין פראנקרייך א. ז. וו. „און דיזע אלע „אייגענע“ דארפען אין יעדען לאנד אויסקעמפפען זעלבסטשטענדיגע נאציאָנאלע רעכטע!“

יא, פריינד מילך, אָט טאקע ווייל זיי זיינען אייגענע, מעגען זיי פיר זיך פאָרדערען רעכטע. זיך אנערקענען פאר פרעמדע הייסט איבערלאָזען, אז אנדערע זאָלען לייזען דיא פראגע און פיר זיך אליין נור א נדבה בעטען. דער „בונד“ וויל אָבער קיין נדבות ניט. ער אנערקענט פערקעהרט אז יעדע זאך וואָס איז געשאָנקען און ניט אויסגעקעמפפט, האָט קיין קיום ניט. נאָר דיא רעכטע, וועלכע מען קריגט דורך קאמפף און בעשיצט מיט מאכט, ביז וואנען דיזע רעכטע ווערען ניט איינגעוואורצעלט אלס א מנהג, נור אזעלכע רעכטע האָבען א מעגליכקייט זיך צו האלטען אויף אימער. יעדער איינער האָט זיין משוגעת, און אויב געגנאָסע מילך וויל זיך שטעלען אויף דער זייט פון דיא ציוניסטען, זאָל ער

עס טאָן געזונדערהייט.

ווייטער שטעלט גענ. מילך וויעדער א גיפטיגע פראגע: „וועלכע טראדיציאָנען, וועלכע ספעציעלע קולטור, אויסער דיא תלמודישע קולטור? וועלכע ספעציעלע נאציאָנאלע אינטערעסען האָבען דיא אידען אָנצוהאלטען?“ איז עס ניט מאָדנע, גענ. מילך, וואָס נור אידען שטעלען אזעלכע פראגען? לייטע שטודירען דיא קולטור און דיא טראדיציעס פון דיא יאקוטען, דיא טשוקטשעס, דיא קאמטשאדאלען און קיין מאָל האָט זיך קיין נאציאָנאליטעט נאָך ניט געשטעלט אזא פראגע מיט דער אויסנאהמע פון אידען. עראינערן ניט עהנליכע פראגען, דיא פראגען, וועלכע מען האָט געשטעלט דיא שקלאפען, צו זיי זיינען מענשען, אז עס זאָל לוינען פיר זיי צו פאָרדערן מענשען־רעכטע? דיא אידישע וועלטליכע (ניט רעליגיעזע) קולטור עקזיסטירט אין גאנצען עטליכע צעהנדליג יאָהר, זיא האָט דורכגעמאכט א פעריאָד פון א׳ן אויפבליהונג פון אויפקלערענדע ליטעראטור אין לשון קודש, היינט האָבען מיר א גרויסע ליטעראטור אין זשארגאָן, עס איז דאָ א אידישעס טהעאטער, א אידישע דראמא, עס זיינען פאראן אידישע צייטונגען, און דאָך געפינען זיך נאָך לייטע, וועלכע שטעלען אימער דיזעלבע אלטע פראגע: וואו איז דיא אידישע קולטור? דער ארויסטרעטען פון אידישען פראָלעטאריאט אויף׳ן פעלד פון פאָליטישען לעבען פון לאנד ווערט איינע פון דיא וויכטיגסטע טרייבקרעפטע, וועלכע ברענגען ארויס א אידישע ליטעראטור. עס האָט זיך אויסגעארבייט א ליטעראטור־מארקעט, און אום דיזען מארקעט צופרידענצושטעלען ארבייטען מענשען אין אלע צווייגען פון ליטעראטור און קונסט. איך וועל אייך פרעגען, גענ. מילך, וואו איז דיא דייטשע קולטור, וואו איז דיא אמעריקאנער קולטור, וואו איז נאציאָנאלע קולטור איבערהויפט, ווען מען זאָל אין דעם ניט אריינרעכנען דאָס וואָס עס איז איבערגעבליעבען פון אלע צייטען? עס איז פאראן א׳ן אלמענשליכע קולטור, אָבער דיזע אלמענשליכע קולטור, פרעדיגענדיג אלמענשליכע אידעען, ווערט פערוואנדעלט אין א נאציאָנאלע קולטור דערמיט, וואָס זיא פאסט זיך צו דיא פסיכאָלאָגיע און צום כאראקטער פון יעדער נאציאָן. אין רוסלאנד אזוי וויא אויסערהאלב רוסלאנד זיינען פאראן א היבשע צאָהל בעריהמטע פאָרשטעהער פון קונסט און ליטעראטור, וואָס האָבען געארבייט אונטער דעם איינפלוס פון דיא פסיכאָלאָגיע פון אנדערע נאציאָנען. איצטער איז אָבער אויך דאָ א פעלד אין דיזען געביעט. עס איז דאָ פיר וועמען צו ארבייטען, און אויף דעם אויפגעאקערטען באָדען מוזען ווילענדיג ניט־ווילענדיג ארויסשפראָצען פרעכטיגע בלומען.

לאָמיר שוין אָבער צוגעבען, אז דיא אידען האָבען ניט קיין אייגענע קולטור, צו דען אָבער ענדערט עס אויף א האָר אייער שטאנדפונקט? איהר האָט דאָך דיזעלבע מיינונג וועגען אנדערע נאציאָנען, זאָלאנג זיי האָבען ניט קיין אייגענע מלוכה. אלעס וואָס איהר האָט געזאָגט, קען דאָך אויך אָנגעווענדעט ווערען צו דיא ארמעניער, לאטישען, ליטווער און זאָגאר צו דיא פאָליאקען. אָבער אזוי וויא זיי זיינען קיין אידען ניט, טהוט זיך ביי אייך, גענ. מילך, דער צונג קיין קעהר ניט צו זאָגען, אז זיי האָבען קיין קולטור ניט.

ענדיגענדיג אזוי זיעגרייך מיט דיא נאציאָנאלע פראָגראם פון „בונד“, הגם וויא איך האָב שוין בעוויזען האָט ער קיין וואָרט ניט געזאָגט אין וואָס דיזע פראָגראם בעשטעהט, ציהט גענ. מילך אונטער דעם סך הכל:

„וואָס אידען“, זאָגט ער, „פעהלט אין רוסלאנד איז רעכטע, גלייכע בירגער רעכטע, ווייטער גאָר ניט. אָבער, טענה׳ט דער „בונד“, אידען קענען קריגען רעכטע נור דאן ווען זיי וועלען האָבען א בעזונדערע מאכט. זאָ לאנג אידען זיינען ניט אָרגאניזירט, וועלען אפילו דיא רעכטע וואָס זיי וועלען בעקומען זיין אויף׳ן פאפיער... זעהט איהר, דאָס שמעקט שוין גאָר מיט אנטי־גוי׳איזמוס, ד. ה. אזוי פיעל, אז דער „בונד“ האָט ניט קיין צוטרויען צו דיא רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג אין רוסלאנד, אז אפילו נאָך דיא סאָציאלע רעוואָלוציאָן וועלען דיא אידען ניט קריגען קיין רעכטע, ווען זיי וועלען ניט קעמפפען פיר זיך. דער „בונד“ זאָגט דאָס ניט ארויס, ער שטיקט זיך דערמיט, דאָס רייסט זיך אָבער ארויס פון יעדע שורה זיינע“.

גענאָסע מילך, וויא עס ווייזט אויס, בענוגענט זיך נאָך ניט מיט קריטיק. ער דארף אויך האָבען א געוועהנליכע פערלוימדונג. אויף איין אזא שפיצעל האָב איך שוין אויבען אָנגעציינט. דאָ קומען אָבער נאָך עהנליכע. גענ. מילך בעהויפטעט, אז דער „בונד“ זאָגט עס ניט אָפען,

נור דאָס רייסט זיך ארויס פון יעדע שורה זיינע. לאָמיר אייך אָבער זאָגען, געגנאָסע מילך, אז איידער מען טהוט אזא זאך, דארף מען צוויי מאָל א קלער טאָן. אין דער גאנצער געשיכטע פון דער סאָציאלדעמאָקראטישער בעוועגונג אין רוסלאנד וועט איהר ניט טרעפען קיין איינציגע מעהר אָדער וועניגער וויכטיגע פאסירונג, וואו דער „בונד" האָט ניט גענומען קיין נאָהענטען און לעבעדיגען אנטהייל, און זעהר אָפט האָט ער אויף זיך גענומען זאָגאר דיא איניציאטיווע, אָנהויבענדיג פון דעם ערשטען קאָנגרעס פון דיא פארטיי און ענדיגענדיג מיט אלע פאָר־בערייטונגען צום צווייטען קאָנגרעס און דיזען קאָנגרעס גופא, — אין אלע דיזע פאסירונגען איז דער „בונד" געוועזען אין דיא ערשטע רייהען. אויף'ן קאָנגרעס ווידער האָט דער „בונד" געטאָן אלעס מעגליכעס, אבי זיך נאָר ניט אָבצורייסען פון דער פארטיי, און בעשלאָסען אָבצורייסען זיך האָט ער נור דאן, ווען עס איז געשטעלט געוואָרען דער פאָרשלאג דער „בונד" זאָל בעגעהן זעלבסט־מאָרד. דאָס אלעס האָט גענ. מילך ניט געהאט קיין רעכט ניט צו וויסען, איינמאָל האָט ער זיך גענומען דאָס רעכט וועגען דעם ענין צו ריידען.

אונטערדעסען איז דיא בעשולדיגונג ניט נייע, זיא האָט איהר שמוציגען קוואל. דיא אידען האָבען שוין צו אָפט געהערט וועגען דיזע זייערע בעריהמטע אָבגעזונדערטהייט. קיינער האָט קיינמאָל ניט געוואגט אָבצולייקענען דיא פאָליא־קען, דיא לאטישען און דיא ליטווער זייער רעכט אויף א זעלבסטשטענדיגע אָרגאניזאציע; אָבער וויא נור דיא אידען וואגען צו פאָרדערן דאָס זעלבע, שרייט מען „האלט!" איך בין אָבער איבערצייגט, אז דיא עקזיסטענץ פון „בונד" אליין און זיין „גלענצענדע", ווי גענ. מילך דריקט זיך אויס, טהעטיגקייט וועט ענדליך מיט'ן וואורצעל פערניכטען דיזע אנזיכט אויף'ן אידי־שען פראָלעטאריאט. דער „בונד" האָט איבער־געקעהרט דיא פסיכאָלאָגיע פון אידישען אר־בייטער; פון א שקלאף האָט ער איהם געמאכט פאר א מענשען וואָס האָט אנערקענט זיינע רעכ־טע. דער „בונד", האָפען מיר, וועט אויך אין דיא אידישע סאָציאליסטישע אינטעליגענץ אויס־וואורצלען דיזען שקלאפען־געפיהל פון א מה יפית־אידעל.

ברענגענדיג וויטער דיא מיינונג פון „בונד", אז דער אידישער פראָלעטאריאט דארף האָבען זיין אייגענע קאמפפס־פארטיי און אז אָהן דעם וועלען זיינע רעכטע בלייבען אויף'ן פאפיער, פרעגט גענ. מילך ווידער אמאָל:

„וואָס מיינט דאָס? דאָס מיינט, אז נאָכ־דעם וויא דיא ארבייטער וועלען אויסקעמפפען וועלכע־עס־איז רעכטע, וועלען דיא אידען ערשט אויפ'ס ניי מוזען אָנהייבען צו קעמפפען מיט דיא קריסטען פון אנדערע נאציאָנאליטעטען".

וואָס איז דאָס ווידער אמאָל, נאיוויטעט אָדער איינפאכע אונפערשטענדניס? מיינט עס גענ. מילך אליין, אז נאָכדעם וויא דיא אר־בייטער וועלען פאר זיך אויסקעמפפען רעכטע וועלען זיי איבערלאָזען אויסנאהם־געזעצע געגען דיא אידען, אָדער ער גיט אין דיזען פאל ווידער איבער דיא מיינונג פון „בונד"? וואהרשיינליך גלויבט גענ. מילך אליין אזוי, ווארום אנשטאט אזא מיינונג אויף'ן שאנדקלאָץ ארויסצושטעלען, פרעגט ער גאנץ ערנסט: „זיינען דען דאָס דיא אידען ווירקליך אזוי מעכטיג דאָס אלעס אליין צו ערקעמפפען?"

גענ. מילך ענדיגט זיין ארטיקעל מיט דיא פאָלגענדע גרויזאמע נביאות:

„ווען זיי פאָרדערן נאציאָנאלע רעכטע, מו־זען זיי זיך פאָרבערייטען אויף א קאמפף מיט אלע נאציאָנען פון דער גאנצער וועלט, אין אלע לענדער ,אין אלע שטעדט, אין אלע גאסען פון דער גאנצער וועלט".

זעהט איהר, גענ. מילך, דאָס, אום זיך אויף אייער שטייגער אויסצודריקען, דאָס שמעקט שוין גאָר מיט עטוואָס אנדערש, דאָס שמעקט שוין גאָר אנטיסעמיטיזמוס פון דעם ערג־סטען און ביליגסטען סאָרט. דאָס הייסט, אז איבעראל אין דער גאנצער וועלט הערשט, נאָך מילך'ס מיינונג, דער האס צו אידען אזוי שטארק אז מען וועט איבעראל מוזען פיהרען א בירגער־קריעג, איבעראל אָנפאנגענדיג פון לאנד ביז'ן גאס און אפשר נאָך ביז אין דיא הייזער אריין, און דאָס וועט אלעס פאסירען וויא נור דיא אידען וועלען פאָרדערן אז זייערע קולטור־אנ־געלעגענהייטען זאָלען זיי אליין פערוואלטען.

ניין, צו אזא אונזין קען דעררייידען זיך דער־יעניגער, וועלכער פיהלט אז ער געהט ארויס פון א'ן אבסאָלוט פאלשען שטאנדפונקט און וויל דאָך ניט אנדערס בעווייזען, אז ער איז גערעכט.

און דיזער קריטיקער וויל עס בעווייזען, אז דער „בונד" איז דורכגעדרונגען מיט מיסטרויען צו דיא סאָציאלדעמאָקראטיע, צום קריסטליכען

פראָלעטאריאט! ניין, גענ. מילך, ווען דער „בונד“ וואָלט זיך געשטעלט אויף אייער שטאנדפונקט, וואָס איז אייגענטליך ניט מעהר און ניט וועניגער, וויא דער שטאנדפונקט פון דיא ציוניסטען וועגען די אייביגקייט פון אנטיסעמיטיזמוס, דאן וואָלט דער „בונד“ געמוזט אוועקוואַרפען זיין גאנצע ארבייט און איבערגעהן אין לאגער פון דיא ציוניסטען. וועלענדיג פערזיכערן דעם לעזער, אז דער „בונד“ איז דורכגעדרונגען מיט „אנטיגויאיזם“, האָט ער אין דער ווירקליכקייט בעוויזען, אז ער אליין שטעהט אויף'ן שטאנדפונקט פון דיא „מעהר לאָגישע ציוניסטען“. ניין, גענ. מילך, דער „בונד“ גלויבט, גלויבט טיעף אין דעם פראָלעטארישען אינסטינקט פון דיא קריסטליכע ארבייטער; דער „בונד“ גלויבט און גלויבט טיעף אין דיא רעטונגסקראפט פון דיא סאָציאלדעמאָקראטיע. און דיזען גלויבען איז איהם געלונגען איינצואָטמען אין דיא נשמות פון אידישען פראָלעטאריאט. איז עס ניט א וואונדערשעהנער בילד, גענ. מילך, וואָס באלד נאָך אזא שרעקליכען האָמעלער פּאָגראָם, אין וועלכען עס האָבען אנטהייל גענומען דיא קריסטליכע אייזענבאהן־ארבייטער, האָט דער האָמעלער קאָמיטעט פון „בונד“ גערופען דיא אידישע ארבייטער צו פייערן דעם אינטערנאציאָנאלען ארבייטער יום טוב פון ערשטען מאי? און וויא האָבען זיך אויף דעם דיא אידישע ארבייטער אָבגערופען! איז עס ניט וואונדערשעהן, וואָס דערזעלבער קאָמיטעט האָט אויך צו דיא קריסטליכע ארבייטער ארויסגעלאָזען א'ן אויפרוף אנטהייל צו נעהמען אין דער מאי־פייער? (זעה דיא לעצטע נאכריכטען, נומ. 182, קאָררעספּ. פון האָמעל).

אמת, עס איז דאָ א מיסטרויען צו דיא פיהרער פון דיא סאָציאלדעמאָקראטיע, וועלכע פערשטעהן ניט קלאָר דיא אינטערעסען פון דיא בעוועגונג; אָבער דיזע פיהרער אליין האָבען זיך יעצט צוטהיילט אין צוויי לאגערן, זיי מאכען זיך פּאָרווירפע איינע דיא אנדערע, און זיי ערוועקען אין דיא ארבייטער א מיסטרויען צו זיך אליין. אמת, דיא פיהרער פון דיא סאָציאליסטען רעוואָלוציאָנערען קענען ארויסרופען צו זיך מיסטרויען, ווען אורטהיילענדיג נאָך א קאָררעספּאָנדענץ פון אָדעס אין דיא „רעוואָלוצ. ראָססיא“, ווייזט זיך ארויס אז זיי זיינען געניינגט צו קוקען אויף א פּאָגראָם, וויא אויף א מיטעל פון דיא רעוואָלוציאָניזירונג פון דיא ארבייטער. און נאָך לאנגע דעבאטען, שטעהט אין דער קאָררעספּאָנדענץ, זיינען דיא סאָציאליסטען רעוואָלוציאָנערען געקומען צום שלוס אָפען ארויסצוטרעטען געגען דיא פּאָקראָמשטשיקעס, ווען זיי וועלען אָנפאנגען זייערע ג ע ו ו א ל ד ט ה א ט ע ן געגען דיא אידישע אָרימע לייט. און אזוי רעדט א קאָמיטעט פון דיא פּארטיי פון דיא סאָציאליסטען רעוואָלוציאָנערען! איהר וועט מיט מיר איינשטימען, גענ. מילך, אז אויף אזעלכע פיהרער פון דיא רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג איז טאקע א ביסעל שווערלאָך זיך צו פערלאָזען. האָטש שוין צוליעב דעם אליין, אום אזעלכע העררען צו בעוועגען אנטהייל צו נעהמען אין קאמפּף געגען פּאָגראָמשטשיקעס, לוינט זיך צו האָבען א בעזונדערע אָרגאניזאציע פון אידישען פּראָלעטאריאט, דעם „בונד“.

ניט ווילענדיג האָב איך זיך געמוזט בעגרענצען מיט דיא קריטיק פון גענ. מילך'ס ארטיקעל, און דאָך איז מיין ארטיקעל ארויס לענגער וויא איך האָב ערווארטעט. איך האָף, אז עס וועט מיר נאָך ניט איין מאָל אויסקומען זיך צו אונטערהאלטען מיט גענ. מילך, און דאן וועט מיר פילייכט געלינגען שוין אויך אויף דיא פּאָזיטיווע זייט פון דעם „בונד“'ס פּראָגראם זיך אָבצושטעלען. פאָרלויפיג וועל איך זיך ערלויבען צו ענדיגען מיין ארטיקעל מיט אן עטוואָס אומגעענדערטע ציטאטע פון גענ. מילך'ס אייגענעם ארטיקעל:

„פון וועלכע זייטע איהר זאָלט ניט נעהמען דיזען ארטיקעל, וועט איהר אליץ זיך אָנשטויסען אויף ווידערשפּריכע; פין וועלכע זייטע איהר זאָלט ניט בעטראכטען, וועט איהר אליץ זעהן וויא אונלאָגיש, וויא אונהאלטבאר, מען קען זאָגען, וויא אבסורד דער ניי־ערפונדענער שטנדפונקט פון נענ. מילך איז“.

אַראָנסאָן.

# מיט איהר ביים גרענעץ

## ערינערונגען פון רעוואָלוציאָנערען לעבען אין רוסלאַנד.

(שלום.)

דער שטאָדטזייגער אויף דער אַלטער קאַטוילישער קירכע האָט געשלאָגען זעקס. איך בין שטיל ארויף די טרעפּ צו איהר צימער און האָב גאַנץ לייכט אָנגעקלאַפּט אין טהיר.

„לעאָניד?" האָט זיך פון אינווייניג געהערט איהר שטימע.

א שמייכעל האָט קאָנוואולסיוו בעריהרט מיינע ליפּען און איך האָב האַלב פערלאָרען געענטפערט „געוויס".

זיא האָט איבערגעדרעהט דעם שליסעל אין טהיר און איך בין אריין אין צימער.

זיא איז נאָך אין בעט געלעגען. נור איהר קאָפּ האָט זיך געזעהן און א טהייל פון איהר האַנד, אויף וועלכע זיא האָט איהר קאָפּ געשטיצט. שוואַרצע האָר האָבען בעציערט איהר קליינעם רונדען קאָפּ. איהר שטערן פון מיטלער הויך, האַלב רונד און עטוואָס ווינקעלדיג, האָט יוגענדליך פריש ארויסגעקוקט. און איהרע אויגען, טיעף און פייעריג, האָבען א זעלטענעם טרויער, א זיסען טרויער אויסגעדריקט. אויף איהר ליפּען האָט א גוטער עהרליכער שמייכעל גערוהט.

„איך האָב פערשטאַנען, אז איהר מוזט זיין וואַך", האָב איך זיך צו איהר געווענדעט. „עס שלאָפט זיך ניט, האַ?"

„איך פיהל זיך זעהר גוט — האָט זיא געענטפערט. א י ה ר מוזט ארבייטען יעצט זעהר שווער, שלאָפט מסתמא ניט פיעלע נעכט? האָט זיא אין א מילדען טאָן געפרעגט.

„שוין געוואָהנט צו די צרות" — האָב איך געשמייכעלט.

„נו, וואָס הערט זיך?" האָט זיא אויפגעהויבען איהרע אויגען צו מיר.

מיר האָבען גענומען ריידען וועגען די לעצטע בעגעבענהייטען אין דער בעוועגונג. זיא האָט מיר אין קורצען איבערגעגעבען אַלעס וואָס זיא האָט געוואוסט וועגען די לעצטע ארעסטען:

„צוויי דרוקערייען האָט מען ארעטירט, אייניגע העקטאָגראַפען, און די בעסטע מענשען, די בעסטע מענשען פון דער בעוועגונג", האָט זיא געקלאָגט.

„די מאַמע וועט עס ניט איבערטראָגען", האָט זיא מיט א פערשטיקטער שטימע געזאָגט, ווען מיר האָבען אָנגעפאַנגען רעדען וועגען איהר פערזענליך. „איך האָב זיך מיט איהר אפילו ניט געזעגענט".

איהרע אויגען זיינען פול געוואָרען מיט טהרערען. מיר האָבען א קורצע צייט געשוויגען; זיא האָט אָבער באַלד דורך די טהרערען געשמייכעלט, האָט מיר אָנגעקוקט און געזאָגט: „א באַבע, האַ?" זיא האָט אבער אליין געפיהלט, אז איך בין ניט מיט אזא מיינונג וועגען איהר.

דער זייגער איז געוואָרען ניין, ווען איך בין ארונטער, אום איהר זיך צו לאָזען אָנטהאָן און אום עטוואָס עסען איהר צו ברענגען.

פון גרענעץ האָב איך ערהאַלטען די נאַכריכט, אז זיא וועט מוזען בלייבען נאָך א טאָג ביי אונז. מען האָט בעמערקט א סך שפּיאָנען זיך אומדרעהענדיג לעבען „ראַגאַטקע" (דער פּלאַץ וואו א קייט טהיילט אָב רוסלאַנד פון דייטשלאַנד), און ס'איז פיעל בעסער זיא זאָל בלייבען כאָטש אייניגע טעג ביי אונז, כדי די שפּיאָנען זאָלען פערליערען איהר שפּור, אויב זיי זוכען עס ווירקליך איהר.

זיא איז געוועזען אָנגעטהאָן, ווען איך בין צו איהר ארויף. איהרע האָר זיינען נאָך געווען האַלב נאָס און האָבען זעלטזאַם געגלאַנצט. איהרע אויגען האָבען טרויעריג, אָבער מילד געקוקט. זיא האָט מיר שמייכלענדיג די האַנד געגעבען און גוט מאָרגען געוואונשען. מיר איז שווער געווען איהר איבערצוגעבען, אז זיא וועט נאָך דאָ מוזען אייניגע טעג פערבלייבען. זיא האָט זיך אָבער דערפרייט מיט דער נאַכריכט.

איהרע אויגען זיינען נאס געוואָרען און זיא האָט זיך אומגעקעהרט צום פענסטער. „זיא איז זעהר זעהר נערוועז", איז מיר דורכגעלאָפען דורכ'ן געדאנקען, און מיר האָט דאָס הארץ פערדריקט.

„פיעלייכט וואָלט געווען א פּלאַן" — האָט זיא שטיל, וויא זיא וואָלט מורא געהאט צו ריידען, אָנגעפאנגען „אז איך זאָל דאָ בלייבען? מעגליך דער „טומעל" וועט אריבער און איך וועל קענען פאָהרען צוריק, אויב ניט אין דער היים, איז אין ווילנא, אין ווארשאָ אָדער אנדערסוואו. מעגליך מען וועט נאָך פיעלע בעפרייען. — מיר ווילט זיך אזוי ניט אוועקפאָהרען יעצט, ווען „מענשען זיינען אזוי נויטהיג".

זיא האָט אָנגעפאנגען צו געהן הין און צוריק איבערן צימער. זיא האָט געהאלטען דעם קאָפּ אראָבגעלאָזען און האָט וויא געקוקט אויף איהרע טריט. זיא האָט פּלוצלונג א ציטער געטהאָן אזוי וויא פון א ביטערע קעלט און האָט ארויפגעוואָרפען א שווארצעס טוך אויף איהרע שולטערן, שפּרייזענדיג אלץ איבער'ן צימער. עס האָט אויסגעזעהן, אז זיא האָט אָן מיין אנוועזענהייט אין גאנצען פערגעסען.

איך האָב א קוק געטהאָן אויף'ן זייגער, ס'איז שוין געווען עלף. איך האָב זיך אויפגעהויבען אוועקצוגעהן. זיא האָט זיך אָבגעשטעלט לעבען מיר און האָט מיך פערטראכט אָנגעקוקט.

„איך האָב אייך געבראכט עטוואָס צום עסען", האָב איך זיך צו איהר געווענדעט. איהר וועט קיינעם היינט ניט קענען זעהן ביז 12 א זייגער ביי־נאכט. איך האָב אייניגע בריעף צו שיקען, וואָס איך טאָר פון דער היגער פּאָסט דאָס ניט טהאָן. אללענפאלס אָבער דארף קיינער פון אונזערע ניט זיין לעבען אייך. מען מוז זעהן זובאטאָוו'ס חברה דיא קעפּ צו צומישען."

זיא האָט טרויעריג געשמייכעלט.

„מיר דוכט, אז דאָס איז א'ן איינבילדונג", האָט זיא צוטראָגען און אונזיכער געזאָגט. מעגליך, אז ס'האָט זיך דיא „בעקאנטע" נור אויסגעדוכט, אז דיא זשאנדארמעריע פרעגט און אקערט אזוי נאָך מיר. ס'וואָלט אריבער, און גאָר".

„דאָס איז שוין באב..."

„זאָגט עס ניט, איך בעט אייך", האָט זיא לעבעדיג מיר איבערגעשלאָגען און האָט געמאכט א בעוועגונג, וויא מיר צו פערמאכען דיא מויל.

„מיר ווילט זיך אזוי ניט פאָהרען", האָט זיא מיט א בעטענדער שטימע ווייטער געערדט.

זיא האָט זיך פערטראכט און וויא פריהער געגומען געהן הין און צוריק איבער'ן צימער. „דיא לעצטע צייט איז אזוי לעבעדיג געוועזען"— האָט זיא ווידער אָנגעהויבען — ביי אונז האָט עס געקאָכט! זאָגט אייך וואָס איהר ווילט", האָט זיא זיך געווענדעט צו מיר, „מען איז אביכעל צו אָפען געוועזען. אין נ. וואו דער דרוק פון דער „ארבייטער שטימע" איז געוועזען, פלעגען אָנקומען צעהנדליגע שיפּרירטע בלעטער יעדען טאָג. *) מען זאָגט, אז דיא פּאָליציי האָט געבאך צעהנדליגע מאָל געקנייטשט דיא בלעטער אין אלע זייטען און האָט ניט געקענט קלוג ווערען, וואָס פאר א רוח עס שטעקט דאָרט. זיי האָבען געמוזט אפשר צולעגען דעם אויער צו הערען, אויב דיא בלעטער רעדען, וויא יענער ווילדער האָט געטהאָן". א נערוועזער הילכיגער געלעכטער האָט זיך פון איהר האלז ארויסגעריסען, און איהר געזיכט האָט זיך אין א לייכטע רויטקייט געפארבט. „אמת!" האָט זיא, נאָך זייענדיג אויפגערעגט, פרעהליך געזאָגט: „זובאטאָוו האָט א סך אויפגעטהאָן, אָבער מיר האָבען פיעל מעהר, פיעל פיעל מעהר אויפגעטהאָן. האָט איהר געזעהן דיא פּראָקלאמאציעס וואָס דער „בונד" האָט גלייך נאָך דיא פערבאפונג פון דרוק ארויסגעלאָזען?"

„געוויס האָב איך געזעהן".

„יא!" האָט זיא ענטציקט אויפגעשריען, „דאָס איז א פיינע שטיקעל ארבייט, הא? אין גאנצען אייניגע טעג וויא מען האָט ארעסטירט דעם דרוק און שוין געדרוקט פּראָקלאמאציעס אין א נייעם דרוק! דיא פּאָליציי וועט משוגע ווערען"!

איהרע אויגען האָבען געשטראהלט; איהר געזיכט האָט אויסגעדריקט א געפיהל פון נצחון, פון גליקליכען זיעג.

איך האָב געמוזט אוועקגעהן.

„איהר וואָלט ווייסען, וויא איך בין אייך מקנא", האָט זיא געזאָגט, ווען איך האָב געהאלטען ביי'ן ארויסגעהן, „איהר לעבט, איהר ארבייט".

---

*) מען האָט זיך דאַן בענוצט מיט „אַ שיפער", וועלכען מען פלעגט שרייבען דורך געדרוקטע צייטונגען. מאַנכע זיינען אָבער אזוי אונפּראַקטיש געוועזען, אז זיי פלעגען קויפען אַ נומער פון פּעטערבורגער בירזשעוואיע וויעדאָמאָסטי אין אַ קליין שטעדטיל, פלעגען פערשיפרירען אַ בריעף אין איהרע שפּאַלטען און פלעגען עס שיקען נאָך פּעטערסבורג, צום ביישפּיעל.

אויפ'ן דריטען טאג נאך איהר קומען, שבת נאכמיטאג איז עס געוועזען, האט מען שטיל אנגעקלאפט אין טהיר פון'ם צימער, וואו איך מיט איהר זיינען געוועזען. זיא האט אויפגע־הויבען פרעגענדיג דיא אויגען צו מיר. איך האב איהר מיט'ן האנד בערוהיגט. דער קלאפ איז געוועזען א סיגנאל. איך בין צוגעגאנגען צום טהיר. דאס קלאפען האט זיך ווידערהאלט אין זעלביגען טאקט. איך בין ארויס און האב פערמאכט דיא טהיר הינטער מיר. דאס איז געווען א „בעקאנטער", אויף וועמעס אדרעס איך האב ערוואַרטעט א בריעף וועגען גרעניץ, און ער האט עס מיר יעצט דעם בריעף גע־בראכט.

„קיין זאך ניט בעמערקט?" האב איך גע־פרעגט.

„ניט א ריך!" האט ער לעבעדיג געענט־פערט.

דאס איז געווען איינער פון דיא פארט־געשריטענסטע ארבייטער, וועלכער האט דאן גע־לעבט אין דער ברענענדסטער צייט פון זיין רע־וואלוציאנערער טהעטיגקייט. זיינע ברענענדיגע אויגען האבען מילד געקוקט, האבען אבער קיין צייכען פון טרויער, קיין צייכען פון פעסימיזמוס ניט אויסגעדריקט. איך האב געעפענט דיא טהיר און מיר זיינען ביידע אריין.

„בעקענט זיך", האב איך זיך צו איהר ווי צו איהם געווענדעט, און זיי האבען זיך הערצליך געדריקט דיא האנד.

איך האב מיך געזעצט, איבערגעלעזען דעם בריעף, און מיין פריינד איז אריין אין א גע־שפרעך מיט איהר און דורך זיין שטענדיגען הומאר האט ער זיא געמאכט הערצליך צו לאכען.

„א שאד וואס איך האב איהם פריהער אהער ניט געבראכט", האב איך זיך צו איהר געווענדעט, בעצייכנענדיג מיין פריינד.

„טאקי א'ן עולה פון אייך", האט זיא שמייכלענדיג א פערשטענדיגען בליק אויף מיר געטהאן.

איך האב אנגעצונדען א שוועבעלע און פער־ברענט דעם בריעף. זיא האט נייגיעריג געקוקט אויף מיר. פרעגען האט מען ניט געפרעגט וועגען אזעלכע זאכען. מיר האבען א קורצע צייט אלע געשוויגען.

„נו, לאמיר זיך געזעגענען, נאכהער וועלען מיר קיין צייט ניט האבען", האב איך זיך בע־מיהט צו שמייכלען. איהרע אויגען האבען זיך ווייט געעפענט. זיא איז געזעסען עטוואס גע־בויגען; איהרע הענד, צוזאמענגעלעגט, האט זיא געהאלטען צווישען איהרע קניע. איהר קאפ איז טיעפער געזונקען; זיא האט צוזאמענגע־צויגען דיא ליפען און האט זיך פערקלעהרט. מיר איז שרעקליך שווער געוואָרען אויפ'ן הער־צען; איך האב גענומען געהן איבער'ן צימער הין און צוריק. מיין פריינד האט א קוק געגעבען אויף מיר, דאן אויף איהר און האט זיך אומ־געקעהרט צום פענסטער.

שטיל און דריקענד איז אין צימער געוואָרען. אויפ'ן וואנד האבען זיך אבגעשלאגען דיא לעצ־טע שטראהלען פון דער אונטערגעהענדער זונן. באלד איז עס פינסטער געוואָרען.

טיעפער זינקען דיא שאטענס פון דער נאכט און אויף דער נשמה ווערט חושך און ביטער. פון וואנד סווישצעט א גריל, און פון אונטען הערען זיך דיא טריט פון א פרוי, וועלכע עמ־פפאנגט דיא קומענדע וואך מיט א טרויעריגען „גאט פון אברהם" און זוכט א ליכט פייער צו מאכען.

זיא האט זיך ניט געקענט מעהר בעהערשען; זיא האט זיך א וואָרף געטהאן אויף דער סאפע לעבען וואנד און איך האב דערהערט איהר פער־שטיקטען ציהען דעם אטהעם. זיא האט גע־וויינט, ביטער געוויינט. מיין פריינד איז גע־בליעבען אין זיין פריהעריגע פאזע לעבען פענ־סטער. ער האט געהערט איהר וויינען, און ער האט טיעף אפגעצויגען דעם אטהעם וואס האט געקלונגען ווי א זיפץ; ניט פון פערצווייפלונג, נור א זיפץ, וועלכער דריקט אויס צאָרן און ראכע איז עס געווען.

איך בין צוגעגאנגען צו איהר און האב גע־צערטעלט איהרע האאר. זיא האט אנגענומען מיין האנד און האט איהר פעסט צוגעדריקט צו איהר שטערן. דער קאפ האט איהר געברענט, וויא פייער, און הייסע טרערען האבען זיך גע־גאסען איבער איהרע באקען. וויא א מאגנע־טישע קראפט האט געצויגען מיינע ליפען צו איהר שטערן. איך האב איהר הערצליך גע־קושט און האב מיט מיינע טרערען איהרע האאר בענעצט; און זיא האט אימער פעסטער און פעסטער מיינע הענד געדריקט. זיא האט שרעק־ליך, שרעקליך געפיהלט.

איך ווייס ניט, וויא לאנג דיזע שרעקליכע מינוטען האבען זיך געצויגען, בעפאר מיין פריינד האט אין א שטילען טאן אונז דערמאנט, אז מיר מוזען געהן.

זיא האט מיין האנד צוגעצויגען צו איהרע

ליפען און האָט איהר צערטליך געקושט. מוטהיג איז זיא ארונטער פון סאָפע און האָט זיך שנעל גענומען צורעכטמאכען. איך האָב געוואָלט אָנצינדען א ליכט, נאָר זיא האָט ניט געלאָזען. איך האָב געפיהלט וויפיעל אנשטרענגונג עס האָט איהר געקאָסט רוהיג צו בלייבען.

זיא איז שנעל פערטיג געוואָרען. איהרע הענד האָבען זיך פיבעריש געטרייסעלט.

„קומט!“ האָט זיא מוטהיג געזאָגט.

איך האָב געראטהען מיין פריינד פאָראויסצוגעהן, אום אונז צו געבען צייכענס, אויב אלעס איז אין אָרדנונג אויפ'ן וועג. מיר זיינען צוגעגאנגען צום טיר. זיא האָט זיך אָפגעשטעלט, זיך אומגעדרייט צום צימער און האָט מיר געבעטען אָנצינדען א שוועבעלע. זיא האָט ערנסט זיך ארומגעקוקט, וויא אום אלעס פעסט אין געדאנקען צו נעהמען. איך האָב א שמייכעל געטהאָן — איך ווייס אייגענטליך ניט ווארום. זיא האָט עס ניט בעמערקט. זיא איז ווידער ערנסט און טרויעריג געוואָרען. מיר זיינען שווייגענד ארונטער.

פופצעהן מינוטען זיינען מיר געגאנגען אין פאָלקאָמענער שטילקייט. דער וועג איז געווען דורך'ן פעלד. ערטערוויז זיינען מיר פערבייגעגאנגען צוויי־דריי בויערנהייזלאך, וועלכע זיינען זעהר שוואך בעלויכטען געווען. „שקצים“ מיט „שיקסעם“ האָבען זיך געשפיעלט און הילכיג געלאכט. זיא האָט זיך אויפמערקזאם צו זיי צוגעקוקט. „גליקליכע מענשען“, האָט זיא צו מיר שטיל געזאָגט. „גליקליכע מענשען“. איך האָב אָנגעשטרענגט דיא אויגען צו זעהען וועלכען צייכען פון מיין פריינד. א פייער האָט זיך בעוויזען, געמאכט דורך אָנצינדען אייניגע שוועבעלאך מיט א מאָל. דער פייער האָט זיך ווידערהאָלט דריי מאָל. דאָס איז געווען א סיגנאל.

איך בין שטעהן געבליבען.

„דאָ מוזען מיר זיך שיידען“, האָב איך זיך שטיל צו איהר געווענדעט.

זיא האָט אויפגעהויבען דיא אויגען צו מיר. עס האָט איהר געטרייסעלט פון פיבער. ריידען האָט זיא ניט געקענט און האָט עס אויך ניט געפרובירט. מיר האָבען זיך אומארמט. זיא האָט איינגעגראָבען איהר קאָפ אין מיין ברוסט, און א שטראָם פון טרערען האָט זיך געגאָסען פון איהרע אויגען. אייניגע סעקונדען זיינען מיר אזוי געשטאנען. דיא צייט איז געווען קורץ, און זיא האָט געמוזט געהן.

„גלייך מיט דעם וועג“, האָב איך איהר מיט א פערדריקטער שטימע געזאָגט, ווייזנדיג וואו צו געהן, „מיין פריינד ווארט אויף אייך; איך וועל זיין לעבען אייך, ווען איך וועל אייך זעהען שוין אויף דער אנדער זייט“.

מיט שלעפענדיגע טריט האָט זיא גענומען געהן. איך האָב איהר א ווילע נאָכגעקוקט און האָב געדענקט, זיא וועט זיך אומקעהרען מיך צו זעהען. זיא האָט עס ניט געטהאָן.

מיר זיינען יעצט נור אייניגע טריט פון גרענעץ געווען. איך האָב געזעהן וויא מיין פריינד איז צוגעגאנגען שוין מיט איהר צו „פעטער'ן“, אונזער „גרענעץ־גוי“.

דורך'ן ראָגאטקע האָט מען ניט געקענט געהן. מיר זיינען אלזאָ מיט א הונדערט טריט ווייטער פון ראָגאטקע געוועזען. אן אָביעסציק איז ארומגעגאנגען מיט'ן ביקס אויפ'ן פלייצע, הין און צוריק. דאָ איז דייטשלאנד פון רוסלאנד נאָר דורך א גראָבען אָבגעטהיילט געווען. איך האָב אראָבגעבויגען דיא ראנדען פון מיין הוט, האָב אויפגעשטעלט דעם קראגען פון מיין ראָק און האָב איהם ארומגעבונדען מיט א טיכעל. אזוי פלעגט מיך דער סאָלדאט דערקענען. איך האָב מיך אוועקגעלייגט אויף דער ערד, האָב צוגעלייגט דעם אויער צו הערען, פילייכט רייט דער „סטארשי אויף נאדזאָר“. אלעס איז געווען אין אָרדנונג. איך בין צוגעגאנגען צום סאָלדאט. „זאָלען זיי מאכען שנעל“, האָט ער מיר שטיל געזאָגט. א צוועלף טריט ווייטער איז זיא מיט „פעטרען“ געשטאנען. איך בין צוגעלאָפען, האָב איהר געגעבען דיא האנד און האָב „פעטרען“ געזאָגט: „שנעלער!“. ער האָט זיך איינגעבויגען, האָט איהר ארויפגענומען אויף דיא פלייצעס „באראנקעס“, וויא מען רופט עס ביי אונז. איך האָב זיך שנעל צוריקגעקעהרט צום אָביעסציק. ער האָט זיך מיט מיר אָבגעדרייט, אום עס זאָל אויסוויזען, אז ער זעהט קיין זאך ניט. איך האָב איהם בעצאָהלט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך האָב זיך אומגעקעהרט צום גראָבען אָדער „גרענעץ“, איז פעטער שוין געגאנגען צוריק. זיא איז געשטאנען ביים ברעג גראָבען אויף דער דייטשער זייט.

„פאָזדראוולויאו!“ האָב איך איהר מיט אן איינגעהאלטענער שטיממע צוגערופען.

זיא האָט קיין וואָרט געענטפערט. וויא א סטאטוע איז זיא געשטאנען.

„אוכאָדי, אוכאָדי!“ האָט דער אָביעסציק איהר געהיילט.

די צוקונפט

No. 11 (35) NOVEMBER 1904 Volume III

# דיא צוקונפט

## פיר דעם יאהר 1905 פארבעריטעט!

דיא „צוקונפט“ וועט בלייבען ביי איהרע רייכע פרינציפען, מיט איהר אונבעפלעקטען טענדענץ אָבער מיט פיעל בעסערע אויסוואהל פון ארטיקלען מיט כמעט א גאנץ נייע פראָגראם דורך צוגעקומענע נייע קרעפטע.

אום צו געבען א בעגריף אונזערע ווערטהע לעזער פון אונזער פערבעסערטע פראָגראם, מאַכען מיר דאָ בעקאנט א טהייל פון אונזערע פאָרבערייטעטע ארטיקלען פיר נעקסטען יאָהר.

„די ענטשטעהונג פון תלמוד—אל' הרקאווי.

„40 יאָהר נאָך דארווין“ — דר. אב' קאספע.

„איבער ניטשעס פילאָזאָפיע“ — דר. ה. זאָלאָטאראָף.

„סאָציאליזמוס און עטהיקס“. דיא סאָציאלע בעוועגונג אין 19טען יאהר הונדערט“ — דר' י' ארטמאן.

„פראָגרעסיווע שטרעבונגען ביי אידען“ י. מילך.

„דיא נייע שטרייט פונקטען אין דער סאָציאל דעמאָקראטיע“.

„דיא אידישע מיטהאָלאָגיע“ (נאָך דיא נייע קולטור געשיכטליכע נאכפאָרשונגען).

„צו קען דיא קאפיטאליסטישע אָרדנונג האָבען א קיום?“

פון ב. פייגענבוים.

„דיא געהיימנים פון קרייץ“ (א קולטור געשיכטליכע נאכפאָרשונג איבער דעם צלם אין פערבינדונג מיט דער זונען געצענדיענסט און אנדערע עבדה זרות).

„דיא פאָליטישע עמאנסיפאציאן פון אידען און איהרע פאָרקעמפפער“ (געשיכטליכע בילדער) פ' קראַנץ.

ערצעהלונגען, אויך „וואָס הייסט א רעאליסטישע דראמא“ — ל. קאָברין.

„דיא זשארגאָנישע ליטעראטור אין אמעריקא“ י' ענטין.

„דיא זשארגאָנישע ליטעראטור און בילדער“ (ביאָגראפיעס פון דיא פאטערס פון דער זשארגאנישער ליטעראטור) — א. ליטווין.

„דיא נעגערן פראגע אין אמעריקא“— ל. סלאבאָדין.

## געקליבענע ווערטער

אונטער דיזען נאמען ווען מיר אין דער „צוקונפט“ פון 1905 אָנפאנגען צוא דרוקען א קורצען ווערטער בוך פון דיא נויטיגע אויסלענדישע ווערטער פיר דעם אידישען לעזער דאָס וועט אויך טהיילווייז זיין א ענציקלאָפעדיע פון פילאָזאָפישע און סאָציאל פאָליטישע טערמינען. (אזעלכע ווערטער וויא „טערמינען“ „טערמינאלאָגיע“ וועלען גרינדליך ערקלערט ווערען).

דיא ווערטער וועלען געקליבען און ערקלערט ווערען פון פיליפ קראנץ.

אויסער דיא אויבענדערמאָנטע שרייבער, וועלען אויך פאָלגענדע שרייבער מיטארבייטען אין דער צוקונפט פיר דעם נעקסטען יאָהר.

דר. אפרת (שווייץ), דר. בלומשטיין (שווייץ), ל. בודין, י. גארדין, דר. א גינזבורג, דר .גירזדאנסקי, מ. הילקוויט, מ. ווינטשעווסקי,

דר. זשיטלאָווסקי (שווייץ), יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי, מ. ד. מ. לעאָנטאָוו, ז. ליבין, דר. ספּיוואַק, (דענווער), ב. פייגענבוים, דר. ק. פאַרענבערג, פּאָליטיקוס, מ. קאַטץ, דר. קאַני־קאָוו, ה. רויזענבלאַט, פ. ראָזענבלאַט און פילע אַנדערע.

אין דעם נעקסטען נומער „צוקונפט“ וועלען מיר אַנאָנסירען דיא אַרטיקלען פון אַנדערע מיטאַרבייטער.

# אונזער פּרעמיום

פיר דיא יעהרליכע סובסקרייבער פון דער „צוקונפט“.

א זעלטענער נייער גרויסער בוך אומזיסט.

# אמעריקא פאר קאלאמבוס

איז דער נאָמען פון דעם בוך וואָס דיא „צוקונפט“ וועט געבען איהרע יעהרליכע סוב־סקרייבערס דעם קומענדען יאָהר אלס פּרעמיום דיזער בוך איז געשריבען פון פיליפ קראַנץ אלס א טהייל פון זיין „קולטור געשיכטע“ וואָס האָט ספּעציעל צוא טאָהן מיט דעם לעבען פון דיא איינגעבאָרענע פעלקער אין דער נייער וועלט ביז קאָלאמבוסעס רייזע און ביז דיא שפּאַניער האָבען צושטערט די אייגענטהימליכע ציוויליזאַציאָן אין מעקסיקא און פערו.

אויף דעם גרונד פון וויסענשאַפטליכע נאָכפאָרשונגען און פילע אויסגראַבונגען אין אַלע טהיילען פון אמעריקא ווערט דאָרט געשיל־דערט, וויא דיא אמאָליגע אמעריקאַנער שטאַ־מען און פעלקער האָבען געלעבט, זיך געפיהרט און ענטוויקעלט, דאָס איז ניט נאָר אינטערע־סאַנט, ווייל דאָס עפענט פאַר אונז ווירקליך א נייע וועלט, זאָנדערן אויך בעלעהרענד און פון גרויסער וויסענשאַפטליכער בעדייטונג ווייל דאָס צייגט אונבעשטרייטבאַר, וויא מענשען ענטוויקלען זיך איבעראַל גלייך אונטער גלייכע אומשטענדען, ווען מיר זעהען וויא פערשיידענע פעלקער אין דער אַלטער וועלט האָבען עהנליכע מנהגים און גלויבענס, קענען מיר מיינען, אַז איין פאָלק האָט זייא איבערגענומען ביי אַן אַנדערען דורך א געגענזייטיגען פערקעהר; אָבער דאָס קען מען אויף קיין פאַל ניט זאָגען וועגען דיא איינגעבאָרענע אמעריקאַנער פעלקער, ווייל זייא זיינען געוועזען אָבגעשניטען פון אַלע קול־טור־צענטערס פון דער אַלטער וועלט דורך דיא גרעסטע אָקעאַנען און האָבען זיך דאַרום זעלבסט שטענדיג ענטוויקעלט אין יעדער בעצי־הונג.

דער בוך „אמעריקא פאר קאלאמבוס“ ענט־האַלט 44 ערקלערענדע בילדער, פון וועלכע פאָלגענדע איז א ביישפּיעל:



א פערואַנע מומיע

דיא „אינטערנאַציאָנאַלע לייברערי פּוב־לישינג קאָמפּני“, וועלכע וועט צו ניי־יאָהר אַרויסגעבען דיעזע נייע קולטור־געשיכטליכע ווערק פון פיליפ קראַנץ, וועט אַבדרוקען א ספּעציעלע אויפלאַגע פיר דיא יעהרליכע סובסקרייבערס פון דער „צוקונפט“ דער פּרייז פון דעם בוך וועט זיין 50 סענט נאָר דיא סובסקרייבערס וועלען איהם קריגען אומזיסט אַלס פּרעמיום, ווען זיי וועלען צושיקען פאַר־אויס 1 דאָלאַר (אין אויסלאַנד און ניו יאָרק סיטי $1.25) פאַר דיא „צוקונפט“ פון יאָהר 1905 ניט שפּעטער וויא ביז דעם 1טען פעברואַר 1905.

דיא אידישע לעזער האָבען אַלזאָ אַן אויס־געצייכענטע געלעגענהייט צו בעקומען פאַר איין דאָלער סובסקריבציאָן אויף דיא צוקונפט א זעהר אינטערעסאַנטען, בעלעהרענדען און קאָסטבאַרען נייעם בוך, וואָס וועט ערשט גע־דרוקט ווערען צום נייעם יאָהר.

אז דער בוך וועט געדרוקט זיין גוט אויף פיינע פּאַפּיר מיט פיינע אילוסטראַציאָנען — דאַפיר גאַראַנטירט דיא „אינטערנאַציאָנאַל פּוב־לישינג לייברערי קאָמפּאַניע“ וועלכע צייכענט זיך אויס מיט איהרע גוטע און שעהנע אויס־גאַבען.

* * *

## א פּאַר ווערטער צו דיא לעזער און פריינדע פון דער „צוקונפט“.

האָבענדיג אייך פאָרגעשטעלט א טהייל פון דעם וואָס מיר ווילען טהאָן קומענדען יאָהר, פרעגען מיר אייך, וואָס דענקט איהר, לעזער און פריינד, צו טהאָן פאר דער „צוקונפט“ נעקסטען יאָהר?

מיר ווענדען זיך צו דיא וואָס האָבען געשאפען און מעגליך געמאכט דיא עקזיסטענץ פון דער „צוקונפט“ פאר דיא 3 יאָהר: וואָס דענקט איהר צו טהאָן, אז דיא „צוקונפט“ זאָל שטעהן אויף א פעסטען באדען און זיין אונאבהיינגיג פון אלע שוועריגקייטען?

דיא צירקולאציאָן פון דער „צוקונפט“ איז דיזען יאָהר בעדייטענד גרעסער געוואָרען, אָבער זיא איז נאָך ווייט פון דיזער צירקולאציאָן, וואָס זיא דארף און קען זיין, דיא צירקולאציאָן מוז פערגרעסערט ווערען צוליעב צוויי אורזאַכען: ערשטענס, וואָס גרעסער עס וועט זיין דיא צירקולאציאָן פון דער „צוקונפט“ אלס מעהר ליכט און אויפקלערונג וועט זיא אריינברינגען צווישען דיא מאסען, אלס מעהר וועט זיא קומען צום ציעל און אויפגאבע פון איהר עקזיסטענץ אריינצוברינגען ליכט צווישען דיא מאסען.

דיא עקספּענסעס, וועלכע א זשורנאל האָט איז דיא זעלבע ווען דער זשורנאל האָט 1 טויזענד אָדער צעהנדליגע טויזענדער סובסקרייבער און וואָס מעהר קאָפּיעס מען דרוקט, אלס ביליגער מאכט אויס יעדער סינגעל קאפּיע און וואָס ביליגער זיא קאָסט, אלס גרעסער און בעסער קען זיא ווערען אין אינהאלט, און זיכערער ווערט איהר עקזיסטענץ.

דיא עקזיסטענץ און פערבעסעריגקייט היינגט אָב אין גאנצען פון אייך, פריינדע און לעזער פון דער „צוקונפט“ אויב איהר וועט קריגען א געניגענדע צאהל נייע לעזער און סובסקרייבער.

עס דארף זיין אייער פפליכט, אייער אויפגאבע, אז דיא „צוקונפט“ זאָל וואָס מעהר פערשפרייט ווערען צווישען דער גרויסער פאָלקס־מאסע אום דאָס צו ערפילען, זאָל יעדער פון אייך זיך שטעלען פאר א הייליגע אויפגאבע, פון היינט ביז דעם ערשטען דזשאנואַר 1905 צו שאפען פאר „דיא צוקונפט“ בלויז איינעם אָדער צוויי יעהרליכע סובסקרייבערס.

קענט איהר דאָס טהאָן?

געוויס קענט איהר, ווען איהר בעשליסט עס נור צו טהאָן!

## קיינע אגענטען מעהר.

מיר האָבען בעשלאָסען מעהר קיינע אגענטען אין דער קאַנטרי דיזען יאָהר ניט צו שיקען, ווייל פילע מיספערשטענדניסע איז דורך דיא אגענטען ארויסגעקומען צווישען דעם אָפיס און סובסקרייבער און פילע סובסקרייבער זיינען ניט צופרידען געווען, מיר האָבען דארום בעשלאָסען בעסער, צו געבען דיא קאָמישיאָן וואָס איין אגענט קריגט צו דיא סובסקרייבער אין דער פארם פון א גוטע און טהייערע פרעמיום, מיר ווענדען זיך דארום צו אלע פריינדע וואָס ווילען פערברייטען „דיא צוקונפט“ יעדער זאָל ווערען איין אגענט פון דער „צוקונפט“ אין זיין פלאַטץ.

## א גוטען בוך אומזיסט.

יעדער וואָס וועט אריינשיקען ביז דעם ערשטען פעברואר 1905 4 דאָלער פאר 4 יעהרליכע סובסקרייבערס אָדער 4 דאָלער 20 סענט פאר 7 האלב־יעהרליכע סובסקרייבער פאר דער צוקונפט וועט קריגען אונזער פּרעמיום „אמעריקא בעפאָר קאלאמבוס“ פון פיליפּ קראנץ גאנץ אומזיסט.

פארגעסט ניט אז איהר דארפט ניט געהן שנאָרען מיט דער „צוקונפט“ מיר גיבען יעדען לעזער פיל מעהר זיין געלד'ס ווערטה, אלס וואָס איהר דארפט איז מענשען אויפמערקזאם צו מאכען אויף דעם זשורנאל, און איהר קריגט גאנץ לייכט סובסקרייבערס, איהר קענט דערביי האָבען א גוטען בוך אומזיסט און אין דער זעלבער צייט העלפען צו פערשפרייטען און פערגרעסערען „דיא צוקונפט“.

צוקונפט פרעס פעדערייישאָן.

דיא „צוקומפט פרעס פעדערייישיאָן“ דריקט היערמיט אויס איהר אונצופריעדענהייט מיט דיא רעדאקציאָן פון „צוקונפט“ פאר ערלויבען מיסטער א. ליטווין צו געברויכען אזא טאָן אין זיין ארטיקעל „וועגען אידישקייט“ געגען גענ. ב. פייגענבוים, געגען א גענאָססע וועלכער האָט פיעל אויפגעטהאָן פאר דיא אויפקלערונג פון דעם אידישען לעזער.

„דיא צוקונפט פרעס פעדערייישיאָן“.

# דער אמסטערדאמער קאָנגרעס

„געוויס, דער פערלויף פון אמסטערדאמער קאָנגרעס האָט בעפריעדיגט דאָס אינטערנאַציאָנאלע פּראָלעטאריאט אויף אזא ארט וויא קיינער פון דיא פריהערע קאָנגרעסען“— אָגוסט בעבעל.

„א פּרעכטיגער קאָנגרעס! עס גיבט וויניגע נאציאָנאלע פּארטייטאגע, עס גיבט קיינען אינטערנאציאָנאלען קאָנגרעס וואָסזאָל האָבען געלאָזען נאָך זיך א גלייך בערויעדיגענדען, ערהעבענדען און אָנפּייערנ דען איינדרוק“—קארל קויטסקי.

מיט דיזער מיינונג פון דעם פּעהיגסטען און ערפּאהרענסטען טאקטיקער פון דער דייטשע־סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פון דעם אנערקענטעסטען טהעאָרעטיקער פון וויסענשאַפּטליכען סאָציאַליזמוס מוז מען איינשטימען, ווען מען לעזט דיא בעריכטען פון דעם אינטערנאציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס אין אמסטערדאם. עס קען קיין צווייפעל ניט זיין, אז דיזער זעכסטער קאָנגרעס פון דער נייער אינטערנאציאָנאַלע האָט אריינגעבראכט מעהר הארמאָניע און איינניגקייט אין דיא רייהען פון דער סאָציאַליסטישער וועלט; אבער עס איז ניט וויניגער זיכער, אז ער האָט דאָך ניט בעזייטיגט דיא שטרייטפּונקטען, וועלכע זיינען אויפגעהויבען געוואָרען דורך דעם שטייגענדען פאָרטשריט פון סאָציאַליזמוס אין דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט און וועלכע פאָדערען אלץ שטארקער און דרינגליכער ניט א טהעאָרעטישע, זאָנדערן א פּ ר א ק ט י ש ע אנטוואָרט.

דער זאָ־גענאנטער „רעוויזיאָניזימוס“ איז ניט א פּראָדוקט פון עטליכע דענקער, וואס זיינען געוואָרן אפּיקורסים געגען דעם זאָ־גענאנטען „אָרטהאָדאָקסישען מארקסיזמוס“, נאָר א פּראָדוקט פון לעבען זעלבסט, פון דעם גרעסערן און ברייטערן קאמפּף, וואָס דיא סאָציאַליסטישע פּארטייען האָבען צו פיהרען אונטער היינטיגע אומשטענדען. וויא פיעל מען זאָל ניט זיין געגען דיא „בערנשטייניאנער“, זשארעסיסטען, טוראַטיסטען און אנדערע „רעוויזיאָניסטען“, נאָר מען קען דאָך ניט אָפּלייקענען, אז זיי דריקען אויס א נייע ריכטונג אין דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, א ריכטונג, מיט וועלכע מען וועט זיך אלץ מעהר מוזען רעכענען, וואס שטארקער און צאָהלרייכער דיא סאָציאַליסטישע ארמעע וועט ווערן.

שוין לאנג איז דיא סאציאַל־דעמאָקראטיע ארויס פון דיא טהעאָרעטישע ווינדעלעך, אין וועלכע דיא שטרענגע מארקסיסטען, „דיא אָרטהאָדאָקסען“ האָבען איהר געזוכט איינצוהאלטען און איינצושטילען; שוין לאנג איז איהר שווערפּונקט אריבער פון בלויז פּראָפּאגאנדע און אגיטאציאָן פון סאָציאַליסטישע פּרינציפּען אויף פּראקטישע פאָדערונגען; שוין לאנג זיינען אויפגעקומען נייע אויפגאבען, פון וועלכע די פאָטערס פון וויסענשאפטליכען סאָציאַליזמוס האָבען ניט געוואוסט און ניט געקענט וויסען; שוין לאנג האָבען זיך געהערט ערנסטע שטימען, וועלכע האָבען געפאָדערט א גרינדליכע קריטיק פון פּרינציפּיעלע און בעזאָנדערס פון טאקטישע פראגען; אבער א נייעם וועג איז איבערהויפּט שווער דורכצוברעכען און אויסער דעם זיינען דיא אומשטענדען פערשיעדען אפילו אין דיא פאָרטגעשריטענסטע לענדער, וואו דיא סאציאליסטישע פארטייען שפּיעלען א גרויסע פּאָליטישע ראָלע, זאָ דאָס עס איז געבליעבען פיר דיא נאָהענטע צוקונפט אפּצוראמען אלע שטערונגען און דערנער און אויסצופלאסטערען א ברייטען וועג פיר דעם קעמפּפענדען קלאסען־בעוואוסטען פּראָלעטאריאט.

אויך איז ניט פון נעכטען, דאָס מען האָט זיך גענומען צו אלץ א שארפערע קריטיק פון „דער קריטיק פון קאפּיטאל“. א טהייל פון דיא שילער פון קארל מארקס האָבען זיך ארומגעזעהן, אז דאָס וואָס עס איז געוועזן ריכטיג מיט 50 יאהר צוריק, איז ווייט ניט אין איינקלאנג מיט אונזער צייט; אבער א גרעסערער טהייל דארף זיך נאָך אָפּזאָגען פון דיא אלטע „דאָגמען און געבאָטען“ און אנערקענען, אז דער אלגעמיינער געזעץ פון עוואָלוציאָן איז אויך ריכטיג פיר דעם מארקסיזמוס. ווען קארל מארקס און ענגעלס האָבען געשריעבען דעם „קאָמוניסטישען מאניפעסט“, האָבען זיי געוויס ניט געהאט אין אויג א צייט, ווען סאָציאַליסטען וועלען קענען אריינטרעטען אלס מיניסטערס אין קאפּיטאליסטישע רעגיערונגען — וויא ווייט איז מען דאן געוועזן פון אזעלכע פראגען, וועלכע ווערן יעצט דעבאטירט אין דער סאציאליסטישער פּרעסע און אויף נאציאָנאלע און אינטערנאציאָנאלע קאָנגרעסען! ווען קארל מארקס האָט געשריעבען זיין „קאפּי־


וויקטאָר אדלער


קארל קויטסקי


אגוסט בעבעל


זשול געד   זשאַן זשאָרעס   פּאול לאפארג


עמיל וואנדערוועלדע


עדואַרד בערנשטיין

טאל“, האָט ער זיך גאר ניט געקענט רעכענען— וויא טיעף און ווייט זיין שארפער אויג איז ניט אריינגעדרונגען אין דער רעוואָלוציאָן פון דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט. אבער ער איז דאָך ניט געוועזן א נביא — מיט אזא ערשיינונג, וויא דיא ענטוויקלונג פון טראָסטס.

נאָר וועגען דיא אויפגעקומענע און אויפקורמענדע שטרייט־פונקטען אין דער סאָציאל־דעמאָקראטיע און איבערהויפּט וועגען דיא רעוואָלוציאָן פון סאָציאליזמוס וועלען מיר ריידען אין בעזאָנדערע ארטיקלען. דאָ וועלען מיר נאר בעמערקען, אז דער אמסטערדאמער קאָנגרעס האָט ניט געלייזט אפילו איינעם פון דיזע שטרייט־פונקטען, טראָץ דעם וואָס ער האָט געהאט א הארמאָניזירענדע ווירקונג אויף דיא פערטרעטער פון סאָציאליזמוס. ער האָט אייגענטליך אָבגעלייגט דיא שטרייט־פראגען פיר דיא נעכסטע קאָנגרעסען. דיא דרעזדענער רעזאָלוציאָן, וועלכע איז שליסליך אָנגענומען געוואָרן, איז א נייער קאָמפּראָמיס, וואָס האָט פערנומען דעם פּלאַץ פון דער זאָ־גענאנטער קויטסקי־רעזאָלוציאָן, וואס איז דורכגעפיהרט געווארן מיט מאטערניס

אלס קאָמפראָמיס אויף דעם פאריזער קאָנגרעס אין 1900, ווען מילעראַן איז נאָך געווען מיניסטער פון קאָמערץ אין פראנקרייך. און מען דארף ניט זיין א נביא פאָראויסצוזאָגען. און מען דארף נאָך פיעלע מאָל דעבאטירען דיא זעלבע פראגע אויף דיא נעכסטע קאָנגרעסען און אז מען וועט ענדיגען מיט נייע קאָמפראָמיס־רעזאָלוציאָנען, וועלכע וועלען אלין נעהנטער ענטשפרעכען דיא ווירקליכע פאָדערונגען פון לעבען. דיא הארמאָניע, וואָס דער אמסטערדאמער קאָנגרעס האָט פאָרלויפיג געשאפען, איז ניט געקומען דורך דעם, וואָס ער האָט איין מאָל פיר אלע מאָל ענטשיעדען דיא פראגע וועגען „רעוויזיאָניזמוס“ און וועגען דעם אנטהייל פון סאָציאליסטען אין קאפיטאליסטישע רעגיערונגען, נאָר דורך דעם, וואָס, פון איין זייט, זשאָרעסיסטען, בערנשטייניאנער, רעוויזיאָניסטען, אָדער וויא מען זאָל זיי ניט רופען, זיינען נאָך אלעם גאנץ גוטע און ערנסט־מיינענדע סאָציאליסטען און, פון דער אנדער זייט, דיא „אונקאָמפראָמיסלאָזע“, דיא „רעוואָלוציאָנערען“, דיא „אָרטהאָדאָקסען“, דיא בעבעליאנער פיהלען גאנץ גוט דיא פאָדערונגען פון אונזער צייט און זעהען, אז דער שטרייט איז צווישען גענאָסען, וועלכע בלייבען אויף דעם זעלבען באָדען. וועגען שפאלטונגען און אויסשליסונגען קען דארום גאָר קיין רייד ניט זיין, און דיא סאָציאל־דעמאָקראטיע בלייבט אייניג, טראָץ אלע מיינונגס־פערשיעדענהייטען.

„אונזערע היינטיגע אינערע געגענזעצע, ערקלערט קויטסקי גאנץ ריכטיג אין זיין ארטיקעל „צום אינטערנאציאָנאלען קאָנגרעס“ (זעה „נייע צייט“ נומ. 45), זיינען אין גרונד נור א שלוס פון דעם גרויסען פאָרטשריט, וואָס דיא מאכט פון פראָלעטאריאט האָט געמאכט אין דיא לעצטע צעהן יאָהר. אין פראנקרייך א סאָציאליסטישער מיניסטער, אין איטאליען האָט מען אָנגעבאָטען א סאָציאליסט דיא שטעלע פון א מיניסטער, אין אויסטראליען איז געבילדעט געוואָרען א גאנצער מיניסטעריום פון דער ארבייטער פארטיי — ווען דאָס זאָלען זאָגאר נור זיין פאללען צו קאָמפראָמיטירען דיא ארבייטער־פארטייען, דאָך דער פאקט, דאָס דיא הערשענדע קלאסען געפינען עס פיר נויטהיג אונז צו ברייגען אין אזעלכע פאלען, איז שוין א צייכען פון דער שטייגענדער פאָליטישער קראפט פון פראָלעטאריאט. מיר זיינען אריינגעטראָטען אין א נייער פאזע (געשטאלט, ערשיינונג) פון אונזער קאמפף, פיעלייכט שוין אין דער לעצטער, ענטשיידענדער פאזע פון דעם קאמפף וועגען דיא פאָליטישע מאכט. דורך דעם ענטשטעהען אָבער פיר אונז אויך נייע, אונערהערטע אויפגאבען, און דיעזע וואקסען נאָך שנעלער וויא אונזערע קרעפטע. מיר שטעהען אויף דער שוועל פון גרויסע פאסירונגען. נאָך זיינען מיר פריי, נאָך קענען מיר בעשטימען דעם וועג, וועלכען מיר ווילען דורכגעהן; נור וויניגע שריטע אויף דיעזען וועג, און זייערע קאָנזעקווענצען טרייבען אונז אויף דעם איינמאָל אָנגענומענעם וועג, אויב מיר ווילען עס אָדער ניט“.

קויטסקי דענקט, אז דיא סאָציאל־דעמאָקראטיע האָט אָנגעצייגט דעם ריכטיגען וועג דורך דיא דרעזדענער רעזאָלוציאָן, אָבער ער איז פון דעסטוועגען ניט זיכער אין דעם.

לאָמיר יעצט נעהנטער בעטראכטען דיעזע רעזאָלוציאָן. זיא לויטעט אזוי:

„דער קאָנגרעס פערשטויסט דיא רעוויזיאָניסטישע אנשטרענגונגען, וועלכע ציעלען צו ענדערן אונזער אויספרובירטע און זיעגרייכע פאָליטיק, וואָס איז בעגרינדעט אויף קלאסענקאמפף, און איינצופיהרען, אנשטאָט דיא עראָבערונג פון פאָליטישע מאכט דורך אן אונאויפהערליכע אטאקע אויף דער בורזשואזיע, א פאָליטיק פון נאָכגעבונג צו דער בעשטעהענדער אָרדנונג פון דער געזעלשאפט.

דיא פאָלגען פון אזעלכע רעוויזיאָניסטישע טאקטיקעס וועלען זיין אומצואוואנדלען א פארטיי וואָס שטרעבט צו דער שנעלסטער טראנספאָרמאציאָן (אומענדערונג) פון דער בורזשואזער געזעלשאפט אין א סאָציאליסטישע — א פארטיי וואָס איז דארום א רעוואָלוציאָנערע אין דעם בעסטען זינען פון דיעזען וואָרט — אין א פארטיי, וואָס איז צופריעדען מיט דער רעפאָרמע פון דער בורזשואזער געזעלשאפט.

צוליעב דיעזען גרונד ערקלערט דער קאָנגרעס, זייענדיג איבערצייגט, אין געגענזאץ צו דיא רעוויזיאָניסטישע שטרעבונגען, אז דער קלאסען־אנטאגאָניזמוס (געגענזייטיגקייט, פיינדליכקייט) ווערט ווייט ניט פערקלענערט, נאָר וואקסט שטענדיג אין ביטערקייט, פאָלגענדעס:

1) דאָס דיא פארטיי ענטזאגט זיך פון יעדער פעראנטוואָרטליכקייט אונטער דיא פאָליטישע און עקאָנאָמישע בעדינגונגען, וואָס זיינען בעגרינדעט אויף דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציאָן, און קען דארום אויף קיין פאל ניט אונטערשטיצען אירגענד וועלכען מיטעל וואָס פיהרט צו דער אויפהאלטונג פון דעם הערשענדען קלאס אין מאכט.

2) דאָס דיא סאָציאל־דעמאָקראטיע קען ניט אָננעהמען אירגענד וועלכען אנטהייל אין דער רעגיערונג אונטער דער בורזשואזער אויפפאסונג (דיעזע ענטשיידונג איז אין איינקלאנג מיט דער קויטסקי רעזאָלוציאָן וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אויף דעם אינטערנאציאָנאלען קאָנגרעס אין פאריז אין 1900).

דער קאָנגרעס פערדאמט ווייטער יעדע אנשטרענגונג צו מאסקירען דעם אימער־וואקסענדען קלאסען־אנטאגאָניזמוס. אום צו קומען צו א פערשטענדיגונג מיט דיא בורזשואזע פארטייען.

דער קאָנגרעס פערלאָזט זיך אויף דיא סאָציאליסטישע פארלאמענטארישע פערטרעטערשאפט צו געברויכען איהר מאכט, וויא זיא ווערט פערגרעסערט

דורך דיא צאָהל פון איהרע מיטגליעדער און דורך דעם גרויסען צו־וואקס פון וואָטערס, זיך פעסטצוהאלטען אין דער פּראָפּאגאנדע פאר דעם ערשטען צוועק פון סאָציאליזמוס און, לויט נאָך אונזער פּראָגראם, צו פערטהיידיגען וואָס ענערגישער דיא אינטערעסען פון ארבייטער קלאס, דיא פערברייטונג און בעפעסטיגונג פון פּאָליטישע פריוהייטען אום צו בעקומען גלייכע רעכטע פאר אלעמען, אָנצופיהרען נאָך שטארקער וויא ווען עס איז דעם קאמפּף געגען מיליטאריזמוס, געגען אימפּעריאליזמוס און קאָלאָניאלע פּאָליטיק, געגען אונגערעכטיגקייט, בעהערשונג און עקספּלואטאציאָן פון יעדער ארט, און ענדליך אָנצוווענדען אלע כוחות צו פערפאָלקאָמען דיא סאָציאלע געזעצגעבונג און צו מאכען פעהיג דעם ארבייטערקלאס אויסצופיהרען זיין פּאָליטישע און ציוויליזירענדע מיסיאָן“.

נון, אויב דיא „רעוויזיאָניסטען“ ווילען ווירקליך אָבטויפען דיא סאָציאל־דעמאָקראטיע אין דיא וואכערן פון בורזשואזע דעמאָקראטיע; אויב זיי ווילען ארונטערמאכען דעם קלאסענקאמפּף און זיך צופריעדענשטעלען מיט דער רעפאָרמע פון דער בורזשואזער געזעלשאפט, וויא עס שטעהט אין דער אָביגער רעזאָלוציאָן, דאן מוז יעדער סאָציאליסט ניט נור איינשטימען מיט דיעזער רעזאָלוציאָן, זאָנדערן איינפאך זיך אָפּטרייסלען פון זיי; דאן האָט דער קאָנגרעס גאָר ניט בעדארפט פיהרען לאנגע דעבאטען מיט זיי, נאָר קורץ און שארף זיי אויסשליסען און ערקלערען זיי אויסערהאלב יעדע סאָציאל־דעמאָקראטישע פארטיי. אָבער אזא „אויב“ עקזיסטירט אייגענטליך נאָר אין דער איינבילדונג אָדער אלס אן השערה, און דיא גאנצע רעזאָלוציאָן טראָגט דארום געוויסערמאסען דעם כאראקטער פון א תלמודישער גזרה לגזרה...

אין דער אמת'ן, ווען דיא מאַיאָריטעט פון קאָנגרעס, וועלכע האָט געשטימט פאר דיא דרעזדענער רעזאָלוציאָן וואָלט געקוקט אויף דיא מינאָריטעט און זאָגאר אויף זשאָרעס'ן זעלבסט אלס א מין בורזשואזע רעפאָרמערס, דאן וואָלט דיא גאנצע פראגע געענדיגט געוואָרען אין א מינוט און מען וואָלט יעדענפאלס ניט פערלאָרען אזוי פיעל צייט אויף דעבאטען. דיא קאָמיסיאָן פון קאָנגרעס, וועלכע איז בעאויפטראגט געוואָרען אויסצוארבייטען א רעזאָלוציאָן איבער דיעזען שטרייט־פּונקט, איז בעשטאנען פון דיא בעסטע און פעהיגסטע סאָציאליסטישע פאָרקעמפּפער. יעדע נאציאָנאלע גרופּע דעלעגאטען האָט אויסגעקליעבען איהרע בעסטע פערטרעטער צו דיעזער קאָמיסיאָן, און דיא דעבאטען האָבען זיך דאָרטען געצויגען דריי טעג איידער מען איז געקומען צום שלוס, אז דאָס גלייכסטע אונטער דיא היינטיגע אומשטענדען איז פּאָרצולייגען פאר דעם קאָנגרעס דיא רעזאָלוציאָן, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען מיט א גרויסער מאַיאָריטעט אויף דעם פּארטיי־טאָג פון דער דייטשער סאָציאל־דעמאָקראטיע אין דרעזדען לעצטען יאָהר. אויך דאן האָבען זיך נאָך געפונען בעוואוכטע פאָרשטעהער פון אינטערנאציאָנאלען סאָציאליזמוס, וועלכע האָבען געוואָלט פערזיכען דיא פילע, וואָס דער קאָנגרעס האָט דערלאנגט דיא רעוויזיאָניסטען. דורך דעם איז ענטשטאנען דיא זאָגענאנטע „וואנדערוועלדע־אדלער רעזאָלוציאָן“, וועלכע לויטעט אזוי:

„דער קאָנגרעס בעשטעטיגט גאנץ בעשטימט דיא נויטווענדיגקייט אויפצוהאלטען אָהן אָפּוויכונגען אינזערע אויספּרובירטע און עהרליכע טאקטיקעס, וואָס זיינען בעגרינדעט אויף דעם קלאסען־קאמפּף, און וועט קיין מאָל ניט ערלויבען, אז דיא עראָבערונג פון פּאָליטישע מאכט אין קאמפּף מיט דער בורזשואזיע זאָל אָפּטרעטען דעם פּלאץ צו א פּאָליטיק פון נאָכגעבונגען צו דער בעשטעהענדער אָרדנונג.

דער רעזולטאט פון אזא פּאָליטיק פון נאָכגעבונגען וועט זיין צו ענדערן א פארטיי, וועלכע שטרעבט צו דער שנעלסטער טראנספאָרמאציאָן פון דער בורזשואזער געזעלשאפט אין א סאָציאליסטישער, פאָלגליך רעוואָלוציאָנער אין דעם בעסטען זינען פון דיעזען וואָרט, — אין א פארטיי, וועלכע שטעלט זיך צופריעדען מיט רעפאָרמירען דיא בורזשואזע געזעלשאפט.

צוליעב דיעזען גרונד ערקלערט דער קאָנגרעס, זייענדיג איבערצייגט, אז דער קלאסען־אנטאגאָניזמוס איז גאנץ ווייט פון פערקלענערונג, נאָר שטייגט שטענדיג, פאָלגענדעס:

1) דאָס דיא פארטיי ענטזאגט זיך פון יעדע פעראנטוואָרטליכקייט פאר דיא פּאָליטישע און עקאָנאָמישע בעדינגונגען, וואָס זיינען בעגרינדעט אויף דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציאָן, און קען דארום ניט גוטהייסען אירגענד וועלכע מיטעל וואָס פיהרען אָנצוהאלטען דעם הערשענדען קלאס אין מאכט.

2) דאָס דיא סאָציאל־דעמאָקראטיע, האלטענדיג אין אויג דיא געפאהרען און אונבעקוועמליכקייטען פון אנטהייל נעהמען אין דער רעגיערונג אין בורזשואזער געזעלשאפט, ברייננט צו אויפמערקזאמקייט און בעשטעטיגט דיא קויטסקי רעזאָלוציאָן, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען פון דעם אינטערנאציאָנאלען קאָנגרעס אין פּאריז אין 1900“.

דער פּלאץ פיר אן ארטיקעל אין דער „צוקונפט“ איז צו קליין פיר אן אויספיהרליכע פאנאנדערגליעדערונג פון דיא ווערטער אין דיא אָנגעקומענע דרעזדענער רעזאָלוציאָן און דיא נידערגעשטימטע וואנדערוועלדע־אדלער רעזאָלוציאָן. דער אויפמערקזאמער לעזער וועט אליין מאכען א פערגלייך און בעמערקען דיא אונטערשיעדע. אייניגע טהיילען פון ביידע רעזאָלוציאָנען אונטערשיידען זיך אפילו ניט מיט איין זילבע און ביידע אנערקענען יעדענפאלס דעם

פּרינציפּ פון קלאַסענקאַמפּף אַלס דעם פונדאַמענט פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. נאָר, אַבוואָהל דיא וואַנדערוועלדע־אַדלער רעזאָלוציאָן דריקט אייגענטליך אויס דיא גרונד־געדאַנקען פון דער דרעזדענער, איז זיא אַזוי צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען, אַז זשאָרעס, וועגען וועמעס טאַקטיק עס האָט זיך ספּעציעל געהאַנדעלט, האָט איהר געקענט אָננעהמען און אונטערשטיצען. מען האָט איהר אייגענטליך פּערפּאַסט, אום עס זאָל ניט הייסען, אַז דיא מאַיאָריטעט פון קאָנגרעס פערדאַמט זיין פּאָליטיק אין גאַנצען און טרעט ארויס געגען איהם פּערזענליך. אין דער דרעזדענער רעזאָלוציאָן זעלבסט האָט מען פאַר דיא אבשטימונג צוליעב דעם געענדערט דעם וואָרט: „פערדאַמט“ אויף דעם וואָרט „פּערשטויסט“, אום לייכטער צו געווינען פאַר איהר אַ מאַיאָריטעט. דאָך זיינען 5 שטימען (דיא אָבשטימונג אויף דיא אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען איז, וויא בעוואוסט, נאָך נאַציאָנאַליטעטען —יעדע נאַציאָן האָט איין שטימע) געווען געגען דיא דרעזדענער רעזאָלוציאָן, און 12 האָבען גאָר ניט געשטימט.

ווען ביידע רעזאָלוציאָנען זיינען פאָרגעבראַכט געוואָרען פאַר דעם קאָנגרעס צור אָבשטימונג, האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען, קען מען זאָגען, צוויי ריעזען: בעבעל איז ארויסגעטראָטען מיט אַ גלענצענדער רעדע פיר דיא דרעזדענער רעזאָלוציאָן און זשאָרעס — מיט אַ ניט וועניגער גלענצענדער רעדע פיר דיא וואַנדערוועלדע־אַדלער רעזאָלוציאָן. בעבעל האָט פּערטהיידיגט דעם שטאַנדפּונקט פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מיט אַ גאַנצען ארסענאַל פון אָרטהאָדאָקסישע ארגומענטען, נאָר וועלענדיג אויסדריקען דעם גאַנץ ריכטיגען געדאַנקען, אַז דיא רעגיערונגען פון קאַפּיטאַליסטישע רעפּובליקען אונטערדריקען דיא ארבייטער אַזוי וויא דיא מאָנאַרכישע רעגיערונגען, איז ער אין דער היץ פון דער דעבאַטע אַזוי ווייט פערקראָכען, דאָס זיינע ווערטער האָט מען געקענט פערטייטשען אַלס אַ פערטהיידיגונג פון אַ מאָנאַרכיע געגען אַ רעפּובליק. ער האָט נעמליך געזוכט צו בעווייזען, דאָס אין אַזאַ מאָנאַרכיע וויא דייטשלאַנד ווערען דיא ארבייטער פערהעלטניסמעסיג וועניגער אונטערדריקט מיט מיליטערישע געוואַלט אין דער צייט פון סטרייקס, וויא אין דיא רעפּובליקען פון פראַנקרייך, אַמעריקא און שווייץ. זיין צוועק איז געווען אָבצושוואַכען דעם ארגומענט פון זשאָרעס, דאָס דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען מוזען אויך נעהמען אין אַנבעטראַכט דיא עקזיסטענץ פון דער רעפּובליק און פערטהיידיגען דיא רעפּובליקאַנישע רעגיערונגס־פאָרמע, ווען עס קומט אַפּילו אויס צו פערבויגען דורך דעם אַ פּונקט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָגראַם; אָבער ער האָט נאַטירליך ניט געמיינט צו זאָגען, אַז אַ מאָנאַרכיע איז בעסער פאַר ארבייטער וויא אַ רעפּובליק. קויטסקי ערקלערט גאַנץ גוט (זעה „נייע צייט“, נומ. 48) דעם שטאַנדפּונקט פון דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען וועגען דיא רעגיערונגס־פאָרמע פון קאַפּיטאַליסטישען שטאַאַט און אויך דיא אורזאַכע, ווארום דיא דייטשע רעגיערונג בעהאַנדעלט דיא ארבייטער מיט מעהר ריקזיכט, וויא אַפּילו דיא פראַנצויזישע רעפּובליק, און יעדענפאַלס אַ סך פריינדליכער, וויא אונזערע פּרעזידענטען נאָך קליוולאַנד'ס מוסטער, וועלכער האָט געשיקט סאָלדאַטען צו אונטערדריקען דעם סטרייק אין שיקאַגאָ אַפּילו געגען דעם פּראָטעסט פון דעם פערשטאָרבענעם גובערנאַטאָר אַלטגעלד; אָבער מיר קענען זיך דאָ ניט אָבשטעלען אויף דיעזען זייטיגען פּונקט.

זשאָרעס, וועלכער בעזיצט אַ וואונדערבאַרע רעדנער קראַפט און מאַגנעטיזירט זיינע צוהערער האָט פייערדיג פערטהיידיגט זיין טאַקטיק אויף דעם גרונד ניט בלויז, דאָס אין פראַנקרייך מוז מען פערטהיידיגען אום יעדען פּרייז דיא רעפּובליק, זאָנדערן אויך אויף דעם גרונד, דאָס מען קען ניט פאָרשרייבען איין סאָציאַליסטישע פּאָליטיק פיר אַלע לענדער און דאָס דיא פּאַרטיי פון יעדען לאַנד מוז פערבלייבען פריי אָנצווענדען איהר אייגענע טאַקטיק נאָך דיא אומשטענדען. ער האָט געזוכט צו צייגען, דאָס מיט מילעראַן'ס אריינטרעטען אין וואַלדעק־רוסאָ'ס מיניסטעריום האָט מען געראַטעט דיא רעפּובליק געגען אַ קאָנספּיראַציאָן פון מאָנאַרכיסטען און יעזואיטען און דאָס מיט דעם, וואָס זיין פּאַרטיי אונטערשטיצט יעצט קאָמב'ס מיניסטעריום, שוואַכט מען ניט נאָר אָפּ דיא שוואַרצע קאַטוילישע באַנדע אין פראַנקרייך, זאָנדערן מען צווינגט אויך דיא רעגיערונג אריינצונעהמען אין איהר פּראָגראַם אַזעלכע וויכטיגע פּונקטען, וויא אַ אינקאָם־טעקס (שטייער אויף איינקינפטע) און פּענסיעס פיר ארבייטער. ער האָט ניט געלייקענט דיא פאַקטען, וועלכע בעבעל האָט געבראַכט, וויא דיא רעגירונגען פון וואַלדעק־רוסאָ און פון קאָמב האָבען געמיין געהאַנדעלט געגען דעם פּראָלעטאַריאַט, אָבער ער האָט פערלאַנגט, אַז מען זאָל זיך ניט אָבשטעלען אויף איינצעלהייטען, וויא שלעכט זיי זאָלען ניט זיין, נאָר נעהמען אין אַנבעטראַכט דיא אַלגעמיינע רעזולטאַטען פון זיין טאַקטיק, וועלכע זיינען פון גרויסען נוצען פיר דעם ארבייטער קלאַס.

דערביי האָט ער שאַרף קריטיקירט דיא דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס זיא טהוט אויף אַזוי וועניג פיר דיא דייטשע ארבייטער אויף דעם פּראַקטישען וועג, טראָץ איהרע 3 מיליאָנען שטימען. אויף דעם האָט בעבעל געענט־

פערט אז אין דייטשלאנד ברויכט מען וועניגסטענס האָבען 7 מיליאָן סאָציאליסטישע שטימען אום צו קענען צווינגען דיא רעגיערונג און דעם רייכסטאָג אָנצונעהמען פאָרשלעגע פון סאָציאל־דעמאָקראטישע דעפּוטאטען. אָבער אָבגעזעהען דערפון, וואָס אויף אזא מיליאָנען־צואוואקס פון סאָציאל־דעמאָקראטישע שטימען איז נאָך צו לאנג צו וואַרטען אפילו אין דייטשלאנד, איז עס נאָך א זעהר גרויסע פראגע, אויב שוין יעצט קענען דיא סאָציאל־דעמאָקראטישע דעפּוטאטען גאָר ניט צייגען זייער מאכט אויף דעם פּארלאמענטארישען וועג. ווען מען זאָל ענדערן דיא אלטע טאקטיק, מיט וועלכער בעבעל איז צוזאמענגעוואקסען געוואָרען און געגען וועלכע פיעלע דייטשע גענאָסען טרעטען ארויס אלין העפטיגער. (*) וואָס מען זאָל ניט דענקען וועגען דיא פּארלאמענטארישע טהעטיגקייט און דיא גאנצע טאקטיק פון זשאָרעס'ן און זיין פּארטיי, נאָר דאָס מוז מען צוגעבען, אז ער האָט געטראָפען אין ריכטיגען אָרט, ווען ער האָט קריטיקירט דיא דייטשע סאָציאל־דעמאָקראטישע פּארטיי דערפאר, וואָס זיא איז ניט גענוג אגרעסיוו (אָנגרייפענד) געגען דיא רעגיערונג און דיא בורזשואזיע.

יעדענפאלס האָט זשאָרעס געמאכט אזא טיעפען איינדרוק מיט זיין גרויסער רעדע, דאָס אפילו דיא יעניגע וואָס האָבען געשטימט געגען איהם, האָבען אויסדריקליך ערקלערט צוזאמען מיט בעבעל'ן, דאָס זיי מיינען ניט איהם פערזענליך אָנצוגרייפען, נאָר זיי זיינען איינפאך ניט איינפערשטאנען מיט זיין טאקטיק, ווייל זיי דיינקען, אז דאָס קען אראָפּפיהרען דיא סאָציאל־דעמאָקראטיע פון גלייכען וועג. וויא ווייט דיא שטימונג פון קאָנגרעס איז געוועזען פריינדליך צו זשאָרעס'ן זעלבסט, קען מען אויך שליסען פון דעם, דאָס ווען דער פערביסענער מארקסיסט זשול געד האָט אין א מאָמענט פון אויפרעגונג אָנגערופען זשאָרעס'ן „מיין געוועזענער קאמעראד“, האָבען זיך געהערט פּראָטעסטען פון אלע זייטען, און ער האָט נאכהער געהאלטען פאר נויטיג צו רופען זיין הויפּט־געגנער „מיין קאמעראד“.

דאָס האָט קלאָר אויסגעדריקט דעם גייסט פון קאָנגרעס צו בעטראכטען דיא „רעוויזיאָניסטען“ אלס קאמעראדען און אויסצומיידען שפּאלטונגען אום יעדען פּרייז.

דער הארמאָנישער גייסט, וועלכער האָט בעהערשט דעם אמסטערדאמער קאָנגרעס און וועלכער איז א גוטער צייכען פיר דיא צוקונפט, האָט זיך אויך ארויסגעוויזען ביי דער אָפּשטימונג. מען האָט אָבגעמאכט, אז דיא וואנדערוועלדע־אדלער רעזאָלוציאָן זאָל אָבגעשטימט ווערען צוערשט און אז יעדענפאלס מוז זיין אן אבסאָלוטע מאיאָריטעט פאר איינע פון ביידע רעזאָלוציאָנען. דיא שטימען פאר דיא וואנדערוועלדע־אדלער רעזאָלוציאָן זיינען גראדע געווען 21 געגען 21, וואָס עס הייסט, אז א העלפט פון קאָנגרעס איז געווען איינפערשטאנדען מיט איהר. נאכהער האָט מען שוין נאטירליך געמוזט שטימען פאר דיא דרעזדענער רעזאָלוציאָן, און דאָך איז דיא מאיאָריטעט געווען בלויז 25, דאָס הייסט מיט 4 מעהר וויא א העלפט פון דיא גאנצע צאָהל שטימען. דער זיעג פאר דיא דרעזדענער רעזאָלוציאָן קען אלזאָ גאָר ניט גערעכענט ווערען פאר אן ענטשיידענדען, און זשאָרעס האָט אפילו א מאָראלעס רעכט פאָרטצוזעצען זיין טאקטיק.

זאָגאר קויטסקי גיט צו, אז דיעזע טאקטיק איז ניט אזוי געפעהרליך דערמיט, וואָס קאָמב'ס אנטי־קלעריקאלעס (געגען־גייסטליכע) מיניסטעריום ווערט אונטערשטיצט פון סאָציאליסטען, אום אויסצופיהרען זיין ראדיקאלע פּראָגראם, זאָנדערן דערמיט, וואָס דאָס פיהרט דיא זשאָרעסיסטען צו איבערצוטרייבען דיא אויפטהואונגען און צו פערשווייגען דיא פעהלערן פון דיא מיניסטערס.

„דורך דיא פערשעהנערונג פון דיא האנדלונגען פון בורזשואזען ראדיקאליזמוס, שרייבט ער (זעה נומער 48 „נייע צייט“), דורך דיא איבערטרייבונג פון זיינע לייסטונגען אנשטאט א קריטיזירונג, שעדיגען דיא מיניסטעריעלע סאָציאליסטען דעם סאָציאליזמוס פיעלייכט נאָך מעהר, וויא מיט זייערע וואָטירונגען אין פּארלאמענט... וויא זאָלען דיא פּראָלעטארישע מאסען זיך האלטען, ווען מען ערקלערט זיי שטענדיג, אז דיא ארבייטער פיינדליכקייט פון בירגערליכען ליבעראליזמוס דארף מען ניט צושרייבען דעם בירגערליכען קלאסענהאס, זאָנדערן איינציגע צופעליג ארויסגעשמוגעלטע פערזאָנען און אָפּשטארבענדע עראינערונגען אוים פריהערע צייטען, און אז וואָס דער ליבעראליזמוס אין פערבינדונג מיט דיא סאָציאליסטען לייסטעט — זיינען ריעזיגע פאָרטשריטע פון העכסטער פרוכטבארקייט? אלע גרענעצען צווישען ליבעראליזמוס און סאָציאליזמוס ווערען דורך דעם אָבגעווישט. אן ארבייטער, וועלכער וועט אָננעהמען דיעזע ענטשולדיגונגען און לויבגעזאנגען פאר א ריכטיגע מטבע, וועט מוזען קומען צו דער מיינונג, אז א בורזשואזער ראדיקאל קען אזוי גוט פערטרעטען זיינע נעכסטע אינטערעסען, וויא א סאָציאליסט. דאגעגען, אן ארבייטער, וועלכער קען שוין גענוג דיא בורזשואזע ראדיקאלען, מוז דורך דיעזע אָפּווישונג פון דיא גרענעץ־ליניען קומען צו דער בעטראכטונג, אז דיא סאָציאליסטען זיינען ניט בעסער פאר דיא אלטע פראזען־קנאקערס און בעטרי־

---

(*) מיר קענען, צום ביישפּיעל, אָנווייזען אויף גענ. טימם'ס ארטיקעל, „צום ברעמער פּארטייטאָג“ אין נום. 50 „נייע צייט“.

גער פון פראָלעטאַריאַט, אַז זיי פערזוכען בלויז פאָרט־צוזעצען דעם געשעפט פון דער אַלטער באַנקראָט־פירמע אונטער אַ נייעם נאָמען. אין ערשטען פאַל ווערט דער אַרבייטער געטריעבען דורך דעם צום ראַדיקאַליזמוס, אין צווייטען פאַל — צום אַנאַרכיזמוס. אָט דאָס איז, ווייס עס „מאַכט אַזוי געפעהרליך דיא זשאָרעסיסטי . טאַקטיק"...

אָבער אָבגעזעהען דערפון, דאָס עס איז גאָר ניט אַזוי לייכט אָפּצומעקען דיא גרענעצען צווישען ליבעראַליזמוס און סאָציאַליזמוס דער אויפגעקלערטער טהייל פון פראָלעטאַריאַט פערשטעהט יעצט צו גוט דיעזע גרענעצען און לאָזט זיך ניט פערפיהרען גלאַט אין דער וועלט אַריין פון פראַזען־העלדען — קען מען ניט זאָגען, אַז דיא זשאָרעסיסטען פערלייקענען אירגענד וועלכען גרונד־פּרינציפּ פון סאָציאַליזמוס אָדער זוכען צו פערגלעטען דעם קלאַסענקאַמפּף אפילו, ווען עס קומט זיי אויס צו שטיצען אַ ראַדיקאַלען מיניסטעריום צוליעב דיא ספּעציעל פראַנצויזישע אומשטענדען. דיא דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען און איבערהויפּט דיא אָרטהאָדאָקסישע מאַרקסיסטען האָבען שוין צו שטאַרק מורא, טאָמער וועט מען אויף אַ האָאָר אָפּווייכען פון דיא איינמאָל פעסטגעשטעלטע פּרינציפּען. זיי ווילען אַרומרינגלען דיא סאָציאַליסטען מיט אַ וואַנד פון גזרה לגזרות, טאָמער וועט עס טרעפען, אַז ביי אַ קאַמפּף פיר אַ פאָרשלאַג, וואָס מען קען דורכפיהרען דורך אַ ראַדיקאַלען מיניסטעריום, וועט מען פערגעסען ישטענדיג צו ווידערהאָלען דיא געוועהנליכע פּרינציפּען־ערקלערונג פון יעדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָגראַם. עס איז אמת, אַז עס איז העכסט וויכטיג דיעזע פּרינציפּען שטענדיג צו האָבען אין זינען ביי יעדער צוזאַמענטרעפונג מיט בורזשואַזע ראַדיקאַלען; אָבער עס איז ניט וועניגער ריכטיג, דאָס ווען סאָציאַליסטען זאָלען זיך אַלץ אָבזונדערן און האַלטען אָן אַ זייט, קריטיקירענדיג נאָר דיא קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט און האָפענדיג נאָר אויף דעם סאָציאַליסטישען עולם הבא, וועלען זיי גאַנץ וועניג אויפטהאָן פאַר דיא אַרבייטער אין דער היינטיגער געזעלשאַפט גופא. ביי דער דורכפיהרונג פון אונזערע פּראָגראַמען־מינימום, וועלכע זיינען אַליין אַ קאָמפּראָמיס מיט דעם פּראַקטישען לעבען, קען מען זיך ניט בעגעהן אָהן ווייטערע קאָמפּראָמיסען, און דער סאָציאַליזמוס איז שוין גענוג איינגעוואָרצעלט און פערשפּרייטעט אין דיא אַרבייטער־מאַסען, אַז מען זאָל זיך ניט אַזוי שרעקען פאַר אַ „שמד" וויא אין דיא פריהערע יאָהרען פון בלויזע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציאָן.

קורץ, אויב דיא זשאָרעסיסטען און „רעוויזיאָניסטען" פערקריכען ווירקליך אַ ביסעל צו ווייט אויף דעם נייען וועג פיר דיא יעצטיגע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איז עס אַזוי שלעכט, וויא צו האַלטען זיך פעסט אויף דעם אַלטען וועג, ניט אַכטענדיג אויף דיא פאָדערונגען פון אונזער צייט צו נעהמען אַנטהייל אין דער רעפאָרמירונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וויא ווייט דאָס לאָזט זיך.

וועגען דיא ווייטערע פערהאַנדלונגען פון אַמסטערדאַמער קאָנגרעס אין נעכסטען אַרטיקעל.

פ. קראַנין.

# דיא אבשטאמונג פון רעליגיאן

## דיא אידעען וועגען עולם הבא

דער גלויבען אין תחית המתים שליסט אין זיך איין דעם גלויבען אין אַ לעבען נאָך'ן טוידט. דער אור־שפּרינגליכער מענש, אונפעהיג וויא ער איז זיך צו פערטיעפען אין געדאַנקען, אָהן אַ פאַסענדער שפּראַך אויסצודריקען טיעפע געדאַנקען, פערפּלאָנטערט זיך נאַטירליך אין זיינע בעגריפע און פון דעם קומט אַרויס אַ כאַאָס פון געדאַנקען וועגען דעם צוקינפטיגען לעבען, און פון דעם קומען אויך אַרויס פיעלע ווידערשפּריכע. צווישען דיא ווילדע שבטים וואָס גלויבען, אַז מיט דעם טויט ווערט דער מענש אין גאַנצען פערניכטעט, געפינען מיר פון דעסטוועגען אַזעלכע, וויא דיא וואָס דער רייזענדער שווינפורטה האָט בעגעגענט אין אפריקא, וואָס האָבען אויסגעמיעדען געוויסע היילען אויס מורא פאַר דיא בייזע גייסטער פון דיא וואָס זיינען דאָרט געשטאָרבען.

אונבעשטימט וויא דיעזער גלויבען אין אַ צוקינפטיגען לעבען איז אין אָנפאַנגס, קען מען פון דעסטוועגען בעמערקען דיא הויפּטציגע און דיא שטאַפּלען, וויא אַזוי ער האָט זיך ענטוויקעלט צו אַ בעשטימטהייט. אין דעם לעצטען קאַפּיטעל האָבען מיר געזעהן, דאָס מאַנכע גלויבען, אַז דער קערפּער קען נאָך'ן טויט נאָך אַ מאָל פערניכטעט ווערען, אַז דאָס צווייטע לעבען ווענדעט זיך דאַדורך אָן דעם, וויא אַזוי יעדער טויטער קערפּער ווערט אָבגעהיט און בע־

וואָרענט. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס גלויבען, אַז נור געוויסע מענשען לעבען נאָך'ן טויט. אין טאָנגאַ גלויבט מען, דאָס נור דיא עלטעסטע האָבען נשמות, אנדערע ווידער גלויבען, אַז דאָס צווייטע לעבען ווענדעט זיך אָן מצות און מעשים טובים — דיא וואָס קענען אַם בעסטען גנב'ענען פערד, אָדער הרג'ענען אַ שונא, א. ז. וו.

ווען מען רעדט היינט פון עולם הבא, פערשטעהט מען אַן אונאויפהערליכעס, אייביגעס לעבען אויף „יענער וועלט“. ניט אַזוי איז געווען דער אָנפאַנג פון דיזען גלויבען. וויא פיעלע פאָרשער בעווייזען, האָט דער אורשפּרינגליכער מענש געגלויבט, אַז דאָס צווייטע לעבען איז בעשרענקט, אַז עס קומט אַ סוף צו דעם צווייטען לעבען; נאָך מעהר, דיא זעלבע איינדריקע וואָס האָבען דעם ווילדען געבראַכט צו דעם גלויבען אין אַ לעבען אויף יענער וועלט, האָבען איהם צו דער זעלבער צייט געמאַכט דענקען, אַז דאָס לעבען אויף יענער וועלט קומט צו אַן ענדע.

וויא מיר ווייסען שוין, שפּיעלען חלומות אַ גרויסע ראָלע אין דעם ווילדען מענשענס לעבען. דער גלויבען, אַז דער מענש לעבט נאָך דעם טויט, קומט מייסטענס פון דעם, וואָס דער ווילדער האָט געזעהען זיינע געשטאָרבענע קרובים אין חלום; עס איז זעלבסטפערשטענדליך, דאָס דיא לאַנג פערשטאָרבענע, פון וועלכע מען הערט אויף צו חלום'ען, הערט מען אויף צו בעטראַכטען אַלס עקזיסטירענדע.

פון דיא פערשיעדענע מנהגים ביי דער קבורה, פון דעם מיטגעבען עסענוואַרג, קליידער, ווייבער און בעדיענטע, — וואָס דיא פערשיעדענע ווילדע שבטים היטען אָב, זעהט מען, אַז דער ווילדער האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס צווייטע לעבען גראַדע וויא דאָס ערשטע, און ניט נור דענקט דער אורשפּרינגליכער מענש, אַז דיא מאַטעריעלע בעדירפניסע זיינען דיא זעלבע, נור אפילו דיא מאָראַלע און גייסטיגע בעדירפניסע זיינען אויך גלייך צו דיא, וואָס עקזיסטירען אויף דיא וועלט. מיר געפינען דאָדורך אין דיא גלויבענס וועגען הימעל גאַנץ דיא זעלבע אָרגאַניזאַציאָן וויא אויף דער ערד; דיא זעלבע הערשער און בעהערשטע, דיא זעלבע משפטים, דיא זעלבע אונגלייכהייט—„מלכותא דרקיע כמלכותא דארעא“ (דיא הערשאַפט אין הימעל איז וויא דיא הערשאַפט אויף דער ערד), וויא דיא גמרא דריקט זיך אויס קורץ און שאַרף.

דיזע גלויבענס האָבען זיך אייגענטליך ניט געענדערט ביז דעם היינטיגען טאָג, זיי האָבען נאָר אָנגענומען אַנאַנדער פאָרמע, און טראָץ דעם וואָס פיעלע גלויבענס אין יענער וועלט עראינערען זעהר פיעל אָן דעם, וואָס מיר זעהען אויף דיא וועלט, איז פאָרט דער גלויבען אביסעל אנדערש, וויא אין דיא אַמאָליגע צייטען. מענשען גיבען היינט ניט מיט קיין ווייבער און בעדיענטע, מען גיט אויך ניט קיין געלד „צו האַנדלען וויא ער האָט דאָ געהאַנדעלט“, מען גלויבט אויך ניט, אַז דיא טויטע געהען אַרום אונז, און נאָך פיעלע אנדערע זאַכען; דאָס איז אָבער נור דיא ענטוויקעלטע פאָרמע פון דעם אורשפּרינגליכען גלויבען.

דאָס וואָרט „עולם הבא“ האָט אַ דאָפּעלטע בעדייטונג: ערשטענס, מיינט „עולם הבא“ אַ צווייטע אָדער אַ צוקינפטיגע וועלט, און ווידער האָט עס דיא בעדייטונג פון אַ צווייטען לעבען, פון אַ לעבען אויף יענער וועלט. דיא צוויי בעגריפע און דיא רייהען פון אידעען וואָס קומען אַרויס דערפון זיינען אַזוי ענג פערבונדען, אַז עס איז אונמעגליך צוריידען וועגען איינע אָהן דיא צווייטע, ווייל גראַדע אַזוי וויא דער גלויבען אין אַ לעבען נאָך'ן טויט ענטוויקעלט זיך ביסלעכוויז פון דיא בעגריפע פון דעם איצטיגען לעבען, אַזוי ענטוויקעלט זיך דיא אידעע פון אַ צווייטע וועלט, דער פּלאַץ וואו דיא טויטע האַלטען זיך אויף, פון דיא וואָהנונגען פאַר דיא לעבעדיגע אויף דיא וועלט.

אורשפּרינגליך, וויא מיר האָבען שוין געזעהען, איז דער גלויבען, אַז דיא טויטע זיינען ביי דיא האַנד. דאָס וואָס דער ווילדער טראָגט יעדעס מאָל פרישע שפּייז אויף דעם קבר, בעווייזט, אַז ער גלויבט דאָס דער טויטער איז ניט ווייט אוועק. מאַנכע ווילדע, וויא דיא קאַמשאַדעלס, „ציהען אָפּט איבער אין אַנאַנדער פּלאַץ און לאָזען דעם טויטען קערפּער אין דעם געצעלט וואו ער איז געשטאָרבען“. דיא לעפּטשאַס פערלאָזען דאָס הויז וואו יעמאַנד איז געשטאָרבען. דאָס זעלבע זעהט מען ביי פיעלע אנדערע שבטים אין אַפריקאַ.

אין דיזע פעלע איז דיא איבעראיינשטימונג פאָלשטענדיג. פון דיא אנדערע אורשפּרינגליכע אידעען, וועלכע מיר האָבען פריהער בעטראַכט, קומט לאָגיש אַרויס דער גלויבען, אַז דאָס צווייטע לעבען ווערט דורכגעמאַכט אויף דעם זעלבען פּלאַץ וויא דאָס ערשטע.

אנדערשוואו קען מען שוין בעמערקען קליינע ענדערונגען. דיא געגענד, וואו דיא טויטע האַלטען זיך אויף, ווערט אביסעל דערווייטערט. אַבוואָהל זיי קומען אָפּט צוריק אַהיים, האַלטען זיי זיך אָבער געוועהנליך פון דערווייטענס. אין ניי־קאַלעדאָניא גלויבען דיא איינגעבאָרענע, אַז דיא נשמות פון דיא טויטע האַלטען זיך אויף אין דיא וועלדלאַך און בוימער. פון אנדערע מנהגים קען מען זעהן, דאָס מאַנכע האָבען גע-

גלויבט, דאָס דיא נשמות וואָהנען אין דיא דער־בייאיגע געבערג, א. ז. וו.

אין דיא ערטער וואו מען פלעגט בעגראָבען אין היילען, ווערען היילען דער פּלאַץ וואו דיא טויטע וואָהנען; און פון דיזען ענטוויקעלט זיך דער בעגריף פון אן אונטעראירדישע צווייטע וועלט. דאָס בעגרעבענים אין דיא היילען, וויא עס שיינט, האָט זעהר פיעל פער־שפּרייט דיא אידעע פון א וועלט אונטער דער ערד. מען דאַרף ניט פערגעסען, אז דיא אור־שפּרינגליכע מענשען האָבען מייסטענס געלעבט אין היילען. דאָס לעבען אין היילען און דאָס בעגראָבען אין היילען האָט זעהר לייכט געקענט בריינגען צו דער אידעע: „עפר אתה ואל עפר תשוב“ — דוא קומסט פון דער ערד און געהסט צוריק צו דער ערד. אזוי צום ביישפּיעל, גלויבען דיא פּאַטאַגאָניער, דאָס מאנכע פון זיי וועלען נאָך'ן טויט זיך צוריק קעהרען צו דיא „היילינע היילען“ פון וועלכע זיי זיינען בעשאַ־פען געוואָרען. ווען מען וויל נאָך בערעכענען, אז אברהם אבינו, למשל, האָט בעגראָבען זיין ווייב שרה אין דיא מערת המכפלה, אין א הייל, און אז „שאול“, דאָס גהינם, מיינט ווערטערליך א גרוב, א הייל, וועט מען אויך זעהן א בעוויז פון דער תורה וועגען דעם שייכות צווישען בע־גרעבעניסען אין היילען און דעם גלויבען אין אן אונטעראירדישע וועלט.

נאָך א זאַך האָט בייגעטראָגען צו דעם, וואָס דער אורשפּרינגליכער מענש האָט אָנגע־הויבען גלויבען, אז „יענע וועלט“ איז ווייט אוועק, און דאָס איז—דיא וואַנדערונג.

דער ווילדער מענש האָט ניט געקענט זיצען אויף איין אָרט. ניט וויסענדיג פון קיין ערד־ארבייט, איז איהם אויסגעקומען זיך צו ער־נעהרען פון דער יאגד. דיזעם האָט איהם שטענ־דיג געצוואונגען צו זוכען נייע געגענדען. אין דיא שפּעטערע צייטען אפילו, ווען מענשען האָ־בען שוין געוואוסט פון פיהצוכט, האָבען זיי אויך געמוזט האלטען אין איין וואַנדערן, צו־ליעב שפּייז, אָדער וואסער, אָדער ווילדע חיות, א. ז. וו.

דיא יעגערס און פיהפיטערערס, וועלכע האָבען אויף אזא אופן אוועקגעוואַנדערט, האָבען נאַטירליכערווייזע זעהר אָפט גע'חלום'ט פון דיא מענשען און פּלעצער, וואָס זיי האָבען איבער־געלאָזען. וואָס א חלום איז ביי דעם ווילדען, ווייסט איהר שוין: דער צווייטער „איך“ איז אוועק. חלומ'ען פון דער אלטער היימאט, הייסט אלזאָ, אז דער צווייטער „איך“ האָט געמאכט א רייזע אהין פון וואַנען ער איז געקומען. וואָס איז נאָכ'ן טויט? גאַנץ דאָס זעלבע. דער צווייטער „איך“ איז אוועק ווייט, גאַנץ ווייט, און ער קומט ניט מעהר צוריק. ער האָט אימער געוואָלט אוועקגעהן ווייט, פון וואַנען ער איז געקומען, און ער האָט ענדליך אזוי געטהאָן.

דיא אידעע פון שטארבען האָט זיך דאַ־דורך ענטוויקעלט אלס א לעבען צוזאממען מיט איינעמ'ס עלטערן, ווייט אוועק פון דעם פּלאַץ, וואו ער האָט פריהער געלעבט. דיזע אידעע געפינען מיר ביי פערשיעדענע פעלקער: צווי־שען דיא פּערואנער, ווען אן אינקא (קעניג) פלעגט שטארבען, פלעגט מען זאָגען: „מען האָט איהם אהיים גערופען צו דיא וואָהנונג פון זיין פאָטער, דיא זון“. ווען דיא מאנדאנס שטארבען, ערוואַרטען זיי צוריקצוקעהרען צו דעם פּלאַץ פון זייערע אורעלטערן. ווען א סאנדאל שטארבט ווייט פון דעם טייך, „נעהמט זיין נעהנטסטער קרוב אן איבערבלייבעכץ פון דעם טויטען און טראָגט עס אוועק אין טייך, כדי דער שטראָם זאָל עס בריינגען צו דעם ווייטען מזרח־לאַנד, פון וואַנען זיינע עלטערען זיינען געקומען“. פיעלע פעלקער רופען שטארבען: „געהן אהיים“, „זיך צוריק קעהרען צו דיא עלטערן“. גאַנץ דאָס זעלבע געפינען מיר אויך אין דער תורה: ווען עס איז געקומען דיא צייט פון יעקב אבינו צו שטארבען, האָט ער צוגערופען זיין זוהן יוסף צום בעט און איהם בעפוילען, ער זאָל איהם ניט בעגראָבען אין מצרים. רש"י זאָגט, אז דאָס איז געווען צוליעב „גלגול מחילות“, ער זאָל זיך ניט דאַרפען קייקלען נאָך'ן טויט קיין ארץ ישראל. נאָך דיזען בעפעהל האָט ער ווייטער געזאָגט: „ושכבתי עם אבותי“ און איך וועל ליגען מיט מיינע עלטערן.(*) ווען יעקב איז געשטאָרבען, שטעהט אין פסוק: „ויגוע ויאסף אל עמיו“, און ער איז אויסגעגאַנגען און איז געוואָרען איינגעזאממעלט צו זיינע לייטע, צו זיינע קרובים, צו זיינע אורעלטערן. (דאָס איז דער ריכטיגער טייטש פון דעם וואָרט: עמיו).

דיא אורשפּרינגליכע מענשען האָבען גע־וואַנדערט אין פערשיעדענע ריכטונגען, דיא בעגריפע וועגען דעם, וואו „יענע וועלט“ גע־

*) אינטערעסאַנט איז וואָס רש"י זאָגט אויס־דריקליך, אז דיא פראזע: „איך וועל ליגען מיט מיינע עלטערן“, בעציהט זיך ניט אויף דיא קבורה, נור אויף דעם שטארבען גופא, ווייל עס שטעהט דאָך ווייטער אין פסוק: ונשאתני ממצרים וקברתני בקבורתם“, און איהר זאָלט מיך טראָגען פון מצרים און איהר זאָלט מיך בעגראָבען אין זייער בעגרעבע־ניס. אזוי שטעהט אין אנאנדער פסוק, זאָגט רש"י, „וישכב דוד עם אבותיו, ויקבר בעיר דוד“, און דוד איז געלעגען מיט זיינע עלטערן, ד. ה. ער איז גע־שטאָרבען, און מען האָט איהם בעגראָבען אין דיא שטאָדט דוד. „ליעגען מיט דיא עלטערן, געהן צו דיא עלטערן“, מיינט אלזאָ שטארבען.

פינט זיך, האָבען אלזאָ געמוזט זיין פערשיעדען. מיר געפינען טאקע, אז עס איז אזוי. פערשיעדענע ווילדע שבטים האָבען פערשיעדענע פאָרשטעלונגען וועגען זייער „יענע וועלט“, און אין דיא מייסטע פעלע שטימען דיעזע בעגריפע מיט זייער טראדיציאָן וועגען זייער אָבשטאמונג. דיא טשאָנאָס אין זיד־אמעריקא „רעכענען זייער אָבשטאמונג פון דיא מעריב־פעלקער פון יענער זייט ים“; און זיי ערווארטען אהין צו געהן נאָך דעם טויט. זייערע שכנים דיא אראָוקאנער גלויבען „דאָס נאָך'ן טויט געהן זיי אריבער דעם ים צו מעריב זייט“. דיא פערואנער ווידער, וועלכע גלויבען, אז זיי שטאמען פון מזרח־זייט, דענקען אז זיי געהן נאָך'ן טויט צו מזרח, און בעגראָבען זייערע טויטע מיט דעם פנים צו מזרח. דאָס גן עדן פון דיא אָטטאָמאקס איז אין מזרח, און דיא צענטראל אמעריקאנער אינדיאנער האָבען זייער גן עדן, „וואו דיא זון געהט אויף“, א. ז. וו.

צוזאמען מיט דיא פערשיעדענע בעגריפע וואו יענע וועלט געפינט זיך, זיינען ענג פערבונדען פערשידענע אידעען וועגען דיא רייזע נאָך'ן טויט. נאטירליך איז דיא צוגרייטונג צו דיעזע רייזע איבעראל אנדערש. אזוי האָבען מיר א רייזע אונטער דר'ערד; א רייזע איבער'ן לאנד; א רייזע אונטער'ן טייך; א רייזע איבער'ן ים, א. ז. וו.

דיא צוגרייטונג איז איבעראל נאכדעם, וואָסערע רייזע דער טויטער ערווארטעט צו מאכען. דאריבער געבען דיא פידזשאנס דעם טויטען א שטעקען אין דער האנד צו פערטהיידיגונג; דאריבער בינדען דיא ניי־קאלעדאָניער צו א מין פיקע צו דעם פינגער פון דעם טויטען; דאריבער זיינען אנדערע מקריב א פערד אָדער א קעמעל אויף דיא לאנגע רייזע פון דעם פערשטאָרבענעם; דאריבער לייגען דיא עסקימאָסען אויף דעם קבר פון א קינד דעם קאָפּ פון א הונד, אלס א פיהרער צו דעם לאנד פון דיא נשמות; דאריבער די שוין־געלד (*) און די פרעזענטער אונטערצוקויפען דיא מחבלים, וועלכע מען טרעפט אָן אויף דעם וועג; דאריבער גיבען אידען גאָפּעלאך אין דער האנד אריין, א. ז. וו.

וויא איהר זעהט, האָט דאָס וואנדערן אזוי וויט געפיהרט דיא מענשען, דאָס זיי זיינען אזש נאָכ'ן טויט אוועקגעוואנדערט אין א צווייטע וועלט. מענשען האָבען אָבער גרויסע אויגען, זיי פערגינען ניט. און וואָס איז ביי זיי בלויז נור נאָך איין וועלט? דיא אידען האָבען זיך בעשאפען דריי הונדערט מיט צעהן וועלטען, און אלע אנדערע האָבען אם ווייניגסטענס צוויי וועלטען, אויכער דיעזע אין וועלכע זיי לעבען.

אין דער צייט פון וואנדערן האָבען דיא ווילדע זעהר אָפט בעדארפט מלחמה האלטען מיט אנדערע שבטים, וועלכע זיינען שוין געוועזען פון פריהער בעזעצט אין דיא פלעצער. אין אזא פאל זיינען געוועזען זיעגער און בעזיעגטע. ס'איז זעלבסטפערשטענדליך, אז דיא בעזיעגטע זיינען נאָך'ן טויט ניט געגאנגען אין דיא זעלבע פלעצער וואו דיא זיעגער שוין צוליעב דעם אליין, וואָס זיי זיינען דאָך געקומען פון פערשיעדענע געגענדען. דיא „היים פון זייערע עלטערן“ איז אלזאָ ניט געוועזען דיא זעלבע. דיא בעזיעגטע זיינען נאטירליך געוועזען קערפערליך און אפשר אויך גייסטיג דיא שוואכערע, זיי זיינען דאדורך געוועזען פעראכטעטע שקלאפען, און עס איז געוועזען אונמעגליך צו גלויבען, אז דיעזע לייטע זאָלען נאָך'ן טויט געהן אויף דעם זעלבען פלאץ וויא דיא פעהיגע און שטארקע הערשער. פאר זיי איז אלזאָ מן הסתם דאָ אנאנדער וועלט. און אזוי וויא אין יענע צייטען זיינען שטארקייט און מוטה געוועזען דיא איינציגע מעלות פון א מענשען, זיינען שוואכקייט און אונטערטהעניגקייט געוועזען דיא איינציגע חסרונות. דיא בעזיעגטע, דיא אונטערדריקטע זיינען דאדורך צו דיא זעלבע צייט דיא שלעכטע, דיא רשעים. דער פלאץ וואוהין זיי געהן נאָך'ן טויט, מוז אלזאָ זיין א פלאץ פאר שלעכטע מענשען, וועהרענד דער אָרט פון דיא בעזיעגער, פון דיא הערשער איז אן אָרט פאר פיינע לייטע. מיר האָבען דאָ דעם שליסעל צו דיא צוויי וועלטען: — דעם גהינם מיט דעם גן עדן.

יעצט פעהלט אונז נאָך איין זאך: אז דער הימעל זאָל ווערען יענע וועלט. און פון דעם אָרט וואו מיר זיינען יעצט אָנגעקומען איז שוין גאנץ נאָהענט צו־צוקומען צום הימעל.

פיעלע פעלקער בעגראָבען זייערע עלטסטע אויף דיא שפיצען פון הויכע בערג. ביי דיזעלבע פעלקער געפינען מיר דעם גלויבען, דאָס דיא נשמות פון דיא טויטע וואָהנען אויף דיא שפיץ בערג. ווען מען האָט אין זינען, אז דער הימעל איז געוועזען בעטראכט אלס א גרויסער דאך איבער דער ערד, וועלכער האלט זיך אויף דיא שפיצען פון דיא בערג, וועט מען זעהן, דאָס דער שלוס, אז דיעזע נשמות קענען לייכט צוקומען צום הימעל איז א גאנץ לאָגישער. דיא הויכע בערג שפיעלען איבערהויפט א גרויסע ראָלע אין אלע רעליגיאָנען. דיא מיטהאָלאָגישע געטער פון דיא אלטע גריכען האָבען געוואָהנט אויף דעם שפיץ בארג אָלימפוס. וואָס דיא בערג זיינען אין דיא אידישע רעליגיאָן, דארף מען דאָ ניט דערצעהלען, גאָט האָט אימער גערעדט

*) צדקה תציל ממות ביי אידען שטאמט אויך דערפון.

צו משה פון בערג; דיא תורה האט מען גע־
בראכט פון א בארג א. ז. וו.

דיא אלע אנגעגעבענע פאקטען פיהרען אונז צום שלוס, דאס דיא אידעע פון עולם הבא איז דורכגעגאנגען פערשיעדענע שטופען פון ענטוויקלונג. דיא וואהנונגען פון דיא טויטע, וועלכע זיינען אורשפרינגליך געוועזן ניט ווייט פון דיא לעבעדיגע, האבען זיך ביסלעכווייז אלץ דערווייטערט און דערווייטערט ביז אין הימעל אריין.

דער גלויבען, אז דיא טויטע פעראייניגען זיך מיט זייערע עלטערן האט געפיהרט צו נאך ווייטערע ענטוויקלונג, וועלכע איז פערשיעדען נאך דיא פערשיעדענע טראדיציאנען. ביי דיא וואס האבען געלעבט אין היילען, האט זיך ענט־וויקעלט דער גלויבען, אז דיא טויטע געהן אוועק אין אנאנדער וועלט אונטער דער ערד, פון וואנען זיי שטאמען; וועהרענד דיא „יענע וועלט" פון וואנדערנדע פעלקער זיינען דיא וואהנונגען פון זייערע עלטערן, צו וועלכע זיי רייזען נאך'ן טויט: איבער'ן לאנד, אונטער א טייך אדער גאר דורך דעם ים,—דיא זעלבע רייזע וואס זיי מאכען לעבעדיגערהייד ביים וואנדערען. דיא פעלקער וואס בעשטעהען פון בעזיעגער און בעזיעגטע, וועלכע האבען, נא־טירליך, פערשיעדענע טראדיציאנען וועגען זייער אבשטאמונג, האבען אויך פערשיעדענע יענע וועלטען, וועלכע צוטהיילען זיך ווידער אין העכערע און ניעדריגערע פלעצער אין איינקלאנג מיט דיא שטעלונג פון די פערשיעדענע שבטים; און ענדליך, וואו דיא פלעצער פאר דיא נשמות אדער פאר דיא עלטסטע פון זיי זיינען דיא שפיצען פון דיא בערג, זעהן מיר אן איבער־גאנג צו דעם הימעל, וועלכע איז אין אנפאנגס נאהענט און בעשטימט, נאר געהט איבער שפע־טער אין דעם ווייטען און אונבעשטימטען. אזוי ווערט דיא פארשטעלונג וועגען דיא וואהנונגען פון דיא טויטע אלץ מעהר דערווייטערט אין געדאנק: דיא ווייטקייט און דיא ריכטונג ווערען אלץ מעהר אונבעשטימט, ביז דער פלאץ פער־שווינדעט אין גאנצען פון דיא וועלט.

אלע דיעזע בעגריפע, וועלכע שטאמען פון דיא אורשפרינגליכע אידעען וועגען טויט, געהן גלייכצייטיג דורך דיא זעלבע ענדערונגען. דאס צוריק־לעבעדיג־ווערען, וואס פלעגט ערווארטעט ווערען יעדען טאג, ווערט ביסלעכווייז אבגע־לייגט אויף אן אונבעשטימטע צייט; דיא גייסטער, וואס זיינען א מאל געוועזן בעטראכט אלס ווירקליכע, לעבעדיגע זאכען, פערשווינדען און ווערען רוחניה־זאכען; דאס צווייטע לעבען, וועלכעס איז אנפאנגס געוועזן א ווידערהאלונג פון דעם ערשטען לעבען, ווערט אלץ מעהר און מעהר פערשיעדען פון דיעזען לעבען; און דער־פלאץ, וואו דאס צווייטע לעבען עקזיסטירט, אנפאנגס א גאנץ בעוואוסטער, בעשטימטער, דערבייאיגער פלאץ, ווערט אלץ ווייטער, אן אונבעשטימטער, אונבעוואוסטער און אונדענק־בארער ערגעץ־וואו ווייט אין הימעל.

אין דיא לאנגע רייזע וואס מיר האבען געמאכט, זיינען מיר ענדליך אנגעקומען אויף יענער וועלט; אויך דארט קען מען נאך אלץ גאט ניט געפינען. אום צו געפינען גאט, וועלען מיר מוזען ווייטער רייזען; מיר וועלען פרי־הער מוזען נעהנטער בעקאנט ווערען מיט דיא „גרויסע נשמות", וואס קומען גליך אין גן עדן אריין, מיט דעם וואס זיי קענען אויפטהאן, א. ז. וו. דיעזע רייזע וועלען מיר מאכען אין דיא ווייטערע קאפיטלעך.

יעקב מילך.

# א גאסען־פרוי

א פינסטערע נאכט, א טומאנע,
דער וועטער איז טרויריג און נאס,
דאך זעהט די פערשטויסענע לוסי
ערשיינט אויך אצינד אויף'ן גאס.

זיא פיהלט מיט דער נאכט זיך גאנץ היימיש
אזוי ווי איהר וואלטען בעוואכט
דיא שווארץ־מעלאנכאלישע שאטענס,
וואס בלאנזשען וויא זיא ביי דער נאכט.

דען צווישען דיא בלאנזשענדע שאטענס
איז זיא דאך ניט איינע אליין —
דא בלאנקען אויך אום איהרע „פריינדע".
וואס זוכען איהר וואלוועלען חן....

דאך ליעב איך דיא עלענדע לוסי,
(כאטש זיא און איהר הארץ איז פון אייז)
פיעל מעהר אלס דיא רייכע, וואס איין מאל
פארקויפט נאר איהר לייב פאר א פרייז.

דיא ארעמע לוסי פארדינגט נאר
פאר ברויט איהר געשענדעטעס לייב,
און טראגט ניט קיין מאסקע פון צניעות —
וויא י ע נ ע „געזעצליכע" ווייב....

ה. ר ו י ז ע נ ב ל א ט.

# סודות פון דער נאַטור

פון פאַריגען ארטיקעל האָט דער לעזער גע־קענט זעהען, אז שטאָף אָדער מאַטעריע, פון וועלכע יעדע זאַך איז צוזאַמענגעזעצט, עק־זיסטירט פון אייביג אָן און דאַרום האָט עס ניט געקענט בעשאַפען ווערען פון א גאָט אָדער געטער. דאָס אליין, אייגענטליך, איז שוין דער בעסטער בעוויין געגען דיא עקזיסטענץ פון א העכערע קראַפט אָדער א גאָט. נאָר מיר וועלען געהן ווייטער. דיא ערד. זאָגט אונז דער חומש, איז דיא וועלט. לאָמיר אקאָרשט בעטראַכטען דיא יחסנות פון אונזער קליינציגע ערדעלע, וועלכע איז אין פערגלייך מיט דער וועלט ניט מעהר וויא א שטויב וויא א טראָפען אין ים.

איך נעהם צוערשט אונזער זאָננען־סיס־טעם. דיא זון איז דער צענטער, ארום וועלכען עס דרייהען זיך פּלאַנעטען אָדער וואַנדעל־שטערנע. דיא זון איז איין מיליאָן דריי הונ־דערט טויזענד מאָל גרעסער וויא אונזער ערד און איז ענטפערנט פון אונז אויף 20 מיליאָנען מייל. דיא נעהענטסטע פּלאַנעטע צו דער זון איז דער מערקור; פון איהם ביז צו דער זון איז בלויז ¾ מיליאָנען מייל. עס נעהמט איהם 88 טעג זיך ארומצודרייען ארום דעם צענטראַל קערפּער. דאַן קומען ווענוס און אונ־זער ערד, וועלכע וויא בעקאַנט, האָט נויטיג 365 טעג צו מאַכען דעם שפּאַציר־גאַנג ארום דיא זון. דיא ערד איז בעגלייטעט פון דיא לבנה. ווייטער פאָלגען מארס מיט צוויי קליינע לבנות און ענדליך יופּיטער, סאַטורן, אוראַנוס און נעפּטון. (דיא אלע נעמען זיינען גענומען פון גריכישע געטער.) דעם נעפּטון, וועלכער איז 108 מאָל גרעסער וויא אונזער ערד, קען מען מיט'ן איינפאַכען אויג ניט זעהען. ער איז אָב־געטהיילט פון דיא זון אויף 6 הונדערט מיליאָ־נען מייל און האָט נייטיג 164 יאָהר און 285 טעג, אום צו מאַכען דיא נסיעה ארום איהר, ד. ה. אז אזוי לאַנג דויערט אויף'ן נעפּטון איין יאָהר. דיא זון זעהט דאָרטען אויס אזוי וויא א קליינציגער שטערנדל און דאַרום איז אויפ'ן נעפּטון אימער דונקעל. אָבוואָהל, וויא עס שיינט, בעזיצט ער נאָך עטוואָס אייגענעם ליכט, ד. ה. ער איז נאָך אביסעל אין א גליהענדען צו־שטאַנד. דער גרעסטער פון אלע וואַנדעלשטערן איז יופּיטער, וועלכער בעדאַרף 11 יאָהר און 317 טעג צו מאַכען זיין רייזע ארום דיא זון וויא דיא ערד, נאָר זיין געדיכטקייט איז עט־וואָס מעהר וויא וואַסער. ער ווערט בעגלייטעט פון 4 סאַטעליטען אָדער לבנות. סאַטורן איז ארומגערינגעלט מיט א גאַנצע סיסטעם פון רינגען און האָט א סוויטע פון 8 לבנות. צו דער זאָננענסיסטעם געהערען נאָך אנדערע הימעלסקערפּער גענאַנט קאָמעטען.

דיא זון גופא שטעהט אויך ניט רוהיג. אויך זיא דרייהט זיך ארום, וואָס עס געדויערט 26 אירדישע טעג און צוזאַמען מיט דיא פּלאַנעטען, קאָמעטען און אלע אנדערע איהרע בעגלייטערס דרייהט זיא זיך ארום אנ־דערע וועלט־סיסטעמען.

אלזאָ, בלויז אונזער זאָננענסיסטעם ווייזט שוין, וויא קליין אונזער ערד איז, נאָר דאָס איז נאָך אלץ גאָר נישט. דער פּאָלאַר־שטערן איז 27 מיליאָנען מאָל ווייטער פון אונז וויא דיא זון. וויא בעקאַנט לייפען ליכט־שטראַהלען מיט א געשווינדיגקייט פון 40 טוי־זענד מייל אין איין סעקונדע. אום א ליכט־שטראַהל, וועלכער געהט ארויס אויף דעם פּאָ־לאַר שטערן זאָל דערגרייכען אונזער ערד איז נויטיג גאַנצע 43 יאָהר. דיא שטערן פון מילכשטראַסע, וועלכע ווערען געציילט מיליאָ־נענווייז, זיינען פון אונז אזוי אונגעהויער ווייט, אז, אום זייער ליכטשטראַהלען זאָלען עררייכען אונזער ערד, דאַרף עס נעהמען מיליאָנען יאָה־רען! יעדער פון יענע זונען זיינען געוויס אויך ארומגערינגעלט מיט פּלאַנעטען, קאָמעטען און ז. וו. אז אויך דאָרט ענדיגט זיך ניט דיא וועלט, קען אונז דיענען פאָלגענדעס אלס בעווייז: אלע וועלט־קערפּער זיינען אונטערוואָרפען דעם גראַוויטאַציאָנס געזעץ און ציהען זיך געגענ־זייטיג צו. ווען מיר וועלען אָננעהמען, אז אין א געוויסען פּלאַץ ענדיגט זיך דיא וועלט, עס מעג זיין וויא אונענדליך ווייט, דאַן וועט דיא אנציהונגס־קראַפט זיין צום צענטער, און מיט דער צייט מוז פון אללע וועלט־קערפּער זיך בילדען איין קערפּער. אזוי אָבער וויא דאָס האָט ניט פּאַסירט, כאָטש דיא וועלט עקזיס־טירט פון אייביג אָן און עס פּאַסירט אויך איצט ניט, הייסט עס אז אזא צוציהונג צום מיטען פון דער גאַנצער וועלט עקזיסטירט ניט, און עס עקזיסטירט ניט דאַרום ווייל הינטער דיא וועלט־קערפּער, וועלכע מיר זעהען, געפינען זיך אנ־דערע, וועלכע ציהען ווידער דיא וועלט־קערפּער צו זיך, און אזוי ווייטער אָהן איין ענד. מיט אנדערע ווערטער, דיא וועלט האָט קיין אָנהייב

און קיין ענד ניט, וויא אין בעצוג אויף צייט אזוי אויך אין בעצוג אויף רוים.

דערפון קען דער לעזער זעהען, וויא ריכ־טיג עס איז דיא בעהויפּטונג פון אונזערע הייליגע ספרים, אז דיא ערד איז דיא וועלט; ער קען זעהן, וואָס פיר א ווערדע זיא האָט אין פערגלייך מיט דיא אונענדליכע וועלט. וויא מיר ווילען אין דיא שפּעטערע ארטיקלען ערפאהרען, האָט אויך גדויערט אביסעל מעהר וויא זעקס טעג, אום אפילו דיא ערד זאָל אָננעהמען דעם פּנים, וועלכען זיא האָט איצט, שוין ניט ריידענ־דיג מכוח דיא זון און אלע איבריגע וועלט־קערפּער.

נאָכדעם וויא מיר האָבען זיך אביסעל בע־קאנט געמאכט מיט דיא אייגענשאפטען פון דיא מאטעריע און זיינען געקומען צום שלוס, אז זיא, דיא מאטעריע, עקזיסטירט פון אייביג אָן, און אז דאָס איינציגע, וואָס מיט דער מאַ־טעריע קען געשעהן איז, וואָס זיא ענדערט איהר געשטאלט און דיא גרופּירונג פון איהרע אטאָמען, דורך דעם אליין פאלט שוין אוועק דיא פראגע, ווער עס האָט דיא וועלט בע־שאפען; דען קוים האָבען מיר דעם מאטעריאל און וויסען, אז אויך דיא וועלט־קערפּער זיינען אונטערוואָרפען דעם געזעץ פון ענטוויקלונג (אז אזא ענטוויקלונג געהט אָן נאָך עד היום, ווילען מיר באלד זעהען), קענען מיר שוין פער־שטעהען, אז דיא ערד, דיא זון און אלע איבריגע וועלט־קערפּער, אז אלעס דאָס, וואָס אויף דער ערד איז פערהאנדען, האָבען זיך אין לויף פון דער צייט ביסלעכוויוז ענטוויקעלט. דיא פּראַ־גע, וועלכע אינטערעסירט אונז איצט, איז: וויא עס האָט אויסגעזעהען דיא אורמאטעריע, פון וועלכע אלעס האָט זיך ענטוויקעלט, אין וואָס פיר איין צושטאנד איז געווען אונזער ערד־קוגעל, דיא זון און ז. וו. און וואָס האָט גע־ווירקט, אז זיי זאָלען אָננעהמען דיא פאָרם, וועלכע זיי בעזיצען היינט.

בעפאָר איך וועל איבערגעהען צו אן אנט־וואָרט אויף דיזע פראגען, האלט איך פיר נויי־טיג אין עטליכע ווערטער דעם לעזער בעקאנט צו מאכען מיט א פיזיקאלישען געזעץ, וועלכען פיללייכט ניט אלע וויסען. דאָס איז דיא איי־גענשאפטען פון ווערמע.

הייסע קערפּער פערשפּרייטען זייער ווער־מע אין וועלט־רוים דורך אויסשטראהלונג, דאָס הייסט דיא ווערמע, וועלכע זיי בעזיצען, שיקען זיי פונאנדער אין דער וועלט אריין דורך שטראה־לען. אין דעם מאָס, וויפיעל שטראהלען זיי שי־קען פונאנדער און דערוואָרמען דערמיט אנ־דערע קערפּער, אין דערזעלבער מאָס פערלירען זיי זייער ווערמע, דאָס הייסט זיי קיהלען זיך אליין אָפּ. דורך אָפּקיהלונג פערגרעסערט זיך דיא צוציהונגס־קראפט פון דיא אטאָמען און מאָלעקולען און דער קערפּער ציהט זיך צוזאַ־מען, ער ווערט קלענער. פערקעהרט, דורך ער־ווארמען פערקלענערט זיך דיא צוציהונגס־קראפט, דיא מאָלעקולען זוכען וואָס ווייטער אוועקצופליהען איינע פון דיא אנדערע, זיי פער־נעהמען מעהר פּלאַץ, און דער קערפּער ווערט גרעסער. ווערמע ענטשטעהט דורך דריקען, ריי־בען, קלאפּען. דאָס איז אלעס, וואָס מיר האָבען נייטיג פיר אונזער ענין צו וויסען מכוח ווערמע.

אויף דיא פראגע אין וואָס פיר א צושטאנד איז געווען דיא אורמאטעריע, קען דיא וויסענ־שאפט איצט מיט בעשטימטהייט ענטפערן, אז מיט ביללייאָנען און טריללייאָנען יאָהרען צוריק איז אלעס געווען א גליהענדע דאמפמאַ־סע, א גליהענדע גאזמאסע. פון דיא גליהענ־דע גאז־מאסע האָבען זיך ענטוויקעלט דיא זונען, דיא פּלאנעטען דיא קאָמעטען, בקצור אלע וועלט־קערפּער. אז דאָס איז אין דער אמת'ן געווען אזוי, דיענען אונז אלס בעסטער בעוויז דיא נעבעל־פלעקען, וועלכע עקזיסטירען נאָך איצט און האלטען נאָך אין איין בילדען פון זיך זונענסיסטעמען מיט זייערע סוויטעס. אויי־סער דעם, דער ספּעקטראל־אנאליז בעווייזט אונז וויא 2 מאָל 2 איז 4, אז דיא נעבעל־פלעקען, גראדע אזוי וויא אלע זונען, פּלאנעטען און קאָמעטען זיינען צוזאמענגעזעצט פון דעם זעלבען שטאָף, פון דיא זעלבע מאטעריע, פון וועלכע אונזער ערד מיט אלעם וואָס אויף איהר און אין איהר איז צוזאמענגעזעצט. דאָס הייסט מיט אנדערע ווערטער, אז זיי אלע האָבען די־זעלבע אָפּשטאמונג, זיי האָבען דיזעלבע טאטע־מאמען. דאָס ווערט אויך בעשטעטיגט דורך א נאָכפאָרשונג פון דיא מעטעאָרשטיינער, ד. ה. שטיינער, וועלכע פאלען ארונטער צו אונז פון הימעל. דאָס בעווייזט אונז אויך דיא געוואל־דיגע היץ, וועלכע געפינט זיך טיעף אין דער ערד.

אלזאָ דיא געוואלדיגע היץ, וועלכע האָט דאַן עקזיסטירט און עקזיסטירט נאָך עד היום אין דיא זונען, האָט געהאט פערוואנדעלט אלע עלעמענטען אין גאז, און דאמפּף. מיר וויסען, אז היץ אָדער ווערמע, הויפּטזעכליך ביי דאמפּף, פערקלענערן דיא אנציהונגס־קראפט, זיא צו־טרייבט אויף אזוי פיעל דיא מאָלעקולען איינע פון דיא אנדערע, אז עס איז צווישען זיי כמעט קיין צוזאמענהאנג ניט דאָ. אויף אזא אופן וואָל־טען זיך דיא מאָלעקולען פון דיא גאז־מאסע צופלויגען אין וועלט־רוים, ווען דאָ וואָלט זיך ניט אריינגעמישט א דאָס שונא פון דעם, נעמליך דיא קראפט פון גראוויטאציאָן, וועלכע ווענדעט אלעס אָן, אום די מאָלעקולען צוצוציהען איינע צו דיא אנדערע. ביי אזא אונגעהויערע מאסע

און ביי די געוואלדיגע היץ, וועלכע האָט דאן עקזיסטירט, פערשטעהט זיך פון זיך, אז דיא אנציהונגס־קראפט, הויפּטזעכטליך ביי דיא ענדען פון דער מאסע האָט געמוזט זיין אזוי שוואך, אז פון דיא גרויסע דאמפמאסע האָבען זיך אפּגעטהיילט, אפּגעריסען שטיקער, (אזוי ווי פון א וואָלקען רייסען זיך אָפּ שטיקער); און אָט פון די אָפּגעריסענע שטיקער האָבן זיך ענטוויקעלט אלע זונען, פּלאנעטען, קאמעטען און אלע איבעריגע וועלט־קערפּער. אהן צווייפעל זיינען דיא וועלטקערפּער פון אָנהייב געווען פיעל־פיעל מעהר וויא יעצט. אויך דאָ האָט זיך אנגעהויבען „א קאמפף אום'ס דאזיין“, ביי וועלכען דיא שטארקערע האָבען פערשלונגען דיא שוואכערע.

קארל־די־פּרעל איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אין 1874 אין זיין בעריהמטען בוך „דער קאמפּף אומס דאזיין אין הימעל“ אויספיהרליך בעוויזען, אז אויך צווישען דיא שטערען איז אנגעגאנגען און געהט אָן דער זעלבער קאמפף, וויא ביי אונז אויף דער ערד.

שטעלט זיך פאָר, זאָגט ער, אז אין א זאל טאנצען א סך פּאָרלעך; יעדערער טאנצט זיך א בעזונדערען טאנץ. דער רעזולטאט פון אזא מין דרייען זיך איז, אז די פּאָרלעך שטויסען זיך אימער וועהרענד אן איינע אָן דיא אנדערע. נעמט יעצט אָן, אז דאָרט געפינט זיך א טאנצמייסטער, וועלכער בעפעהלט, אז יעדע פּאָרעל, וועלכע וועט זיך אנשטויסען אָן דיא אנדערע, זאָל פערלאָזען דעם זאל, דאן וועלן בלויז איבערבלייבען דיא, וועלכע זיינען איינער דעם אנדערען ניט אין וועג און זיי וועלען קענען פאָרטזעצען זייער טאנץ אין א פּלאנמעסיגען ארט. די צוזעהר, וועלכע קומען שפּעטער בעוואונדערען וויא פיין און שיין דער טאנץ געהט אָן. ווייסען ניט, אז מעהר וויא דיא העלפט זיינען ארויסגעווארפען געווארען פון זאל, זיי ווייסען ניט, אז פריהער איז אין זאל אנגעגאנגען א מיש־מאש, א כאאָס. אין אבסאָלוט לעערען רוים זאָגט ער, וואָלט א שטערען געקענט אונגעשטערט זיך דרייען אייביג, ווען קיין אנדערער וואָלט ניט געמאכט קיינע אנשפּריכע אויף דעם זעלבען רוים. איז אבער א געוויסער רוים ניט גרויס גענוג, אום צו געבען פּלאטץ פיר אלע דאמפף־שטיקער, וועלכע האלטען זיך אין ענטוויקלען, זאָ טרעט איין א קאנקורענץ צווישען זיי, אין וועלכע דיא שטארקערע דאָס הייסט דיא, וועלכע זיינען גרעסער, געדיכטער און האָבען דארום מעהר אנציהונגס קראפט, בלייבען דיא זיעגער. זיי פערשלינגען דיא שוואכערע. דער רעזולטאט פון אזא קאמפף איז דער, אז אלע שטערן, וועלכע דרייען זיך אין אזא וועג, אז זיי שטויסען זיך צוזאמען מיט אנדערע אזעלכע שטערן, געהען ארונטער פון דער סצענע, זיי גיבען אויף זייער זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ, פעראייניגענדיג זיך מיט דיא, מיט וועלכע זיי האָבען זיך צוזאמענגעשטויסען, אדער זיי צופאלען אין וועלט רוים. דער סוף פון אזא קאמף איז, אז בלויז דיא בלייבען איבער, וועלכע שטערען זיך ניט איינער דעם אנדערן אין זייער רייזע אין וועלט רוים.

דער לעזער, גלויב איך, פערשטעהט אליין, אז אזא קאמפף האָט געדויערט ווער ווייסט וויא פיעל מיליאָנען פון יאהרען. און נאכדעם וויא פון דעם מיש־מאש, פון דעם כאאָס האָט זיך מיט דער צייט אויף אזא נאטירליכען וועג ענטוויקעלט דיא וואונדערבארע הארמאָניע פון אונזער פּלאנעטען־סיסטעם, קומט מען און מען דערציילט אונז, אז דאָס האָט גאָט־דער ארכיטעקטאָר צוערשט אויסגעארבייט א פּלאן און נאכהער אין זעקס טעג פערריכט דיא גאנצע ארבייט און אלעס בלויז צוליעב דעם מענשען ! !

מיר האָבען אלזא געזעהען, אז דיא אורמאטעריע איז געווען אין א צושטאנד פון גליהענדען דאמף אדער גאז, אז דיא גאז־מאסע האָט זיך צוטהיילט אין קלענערע, פון וועלכע עס האָבען זיך ענטוויקעלט זונען, פּלאנעטען און קאָמעטען, אז צווישען זיי איז אָנגעגאנגען א שרעקליכער קאמפף, אין וועלכען דיא זיעגער זיינען געבליעבען דיא שטארקסטע, דיא גרעסטע.

„גוט, וועט מען אונז זאָגען, זאָל זיין אזוי. איהר בעהויפּטעט דאָך, אז דיא ערד. דיא זון און אלע אנדערע וועלט־קערפּער דרייען זיך, זאָגט אונז ווער האָט געגעבען דעם ערשטען שטופּ, דעם ערשטען שטויס, אז אלעס זאָל זיך אנהייבען צו דרייען ? “

אויף דיא פראגע האָבען מיר אייגענטליך געקענט ענטפערן מיט איין אנדער פראגע : זאָגט אונז, ווער האָט געהאלטען דיא גאנצע מאסע מאטעריע אין א צושטאנד פון רוהע איידער מען האָט איהר, וויא איהר זאָגט, געגעבען „א שטויס“, פון וואָס זיא האָט זיך אנגעהויבען צו בעוועגען ? .

„דיא עוויגע מאטעריע, זאָגט ליודוויג ביכנער אין זיין „שטאָף און קראפט“ (זייטע 49-50), מוז אויך האָבען אין זיך איין עוויגע בעוועגונג. אבסאָלוטע רוהע איז אין דער נאטור גראדע אזוי וויניג דיינקבאר און אזוי וויניג פארהאנדען, וויא איין אבסאלוטער ניכטס. שטאָפפען קענען ניט זיין אהן א געגענזייטיגען וועקסעלשפּיעל פון דיא קרעפטע, מיט וועלכע זיי זיינען בעגאבט. און דיא קרעפטע זיינען ניכטס אנדערעס, וויא פערשיעדענע ארטען פון שטאָפליכע בעוועגונג. דארום מוז דיא בעוועגונג פון דיא מאטעריע עבענזא עוויג זיין, וויא דיא מאטעריע גופא “.

נעהמען מיר אלזאָ אָן, אז דיא אורמאסע

איז ניט געוועזן אין א צושטאנד פון רוהע, נאָר אין א שטענדיגער בעוועגונג אין פערשיעדענע ענטגעגענגעזעצטע ריכטונגען, דאַן זיינען די בעוועגונגען געבליעבען אויף אין דיא מאסען, וועלכע האָבען זיך אפּגעטהיילט פון דער הויפּט מאסע. יעדע גאז מאססע, אין וועלכע איהרע איינצעלנע טהיילען דרייען זיך אין פערשיעדענע ריכטונגען, הייבט זיך אָן צו דרייען ארום זיך אליין, אזוי וויא צוויי שליטשוה לויפער הייבען זיך אָן צו דרייען אין א רונד ווען זיי קומען איינער געגען דעם אנדערן און כאפּען זיך אָן פיר די הענד. אלע בעוועגונגען אין אזא מאסע נעהמען ענדליך אָן צוויי ענטגעגענגעזעצטע הויפּטריכטונגען, און דיא גאנצע מאסע דרייט זיך דאן נאָך דער ריכטונג, אין וועלכער עס זיינען פריהער געוועזן דיא מייסטע אדער דיא שטארקסטע שטרעמונגען.

אויף אזא ארט, זאָגט אָסוואלד קעהלער, און ניט אנדערס, איז דיא בעוועגונג פון דיא גאזמאסען ענטשטאנדען, פון וועלכע עס האָבען זיך שפּעטער ענטוויקעלט דיא זאָננענסיסטעמען, ווי דיא אונזעריגע. דעריעניגער, וועלכער וויל זיך איבערצייגען אין דעם, זאָל נעהמען א גרויסע שיסעל מיט וואסער, ארייגשיטען אין איהר א 3-4 לעפעל מיט זעגעלשפּענער, דאן אָנהייבען עס צו מישען אין פערשיעדענע ריכטונגען. ער וועט זעהן, אז וויא ער זאָל ניט פּרובירען מאכען דיא שפּענדליך זיך דרייען אין פערשיעדענע ריכטונגען, צום סוף וועלען דאָך אללע אננעהמען איין ריכטונג.

דר. איזאק אָרטמאן.

(שלוס פאָלגט)

# דיא אידען אין רוסלאנד

זייער געשיכטע פון דיא עלטעסטע צייטען ביז היינטיגען טאָג.

— פון —

## אלכסנדר הארקאווי

זיעבעטעס קאפּיטעל.

### דיא לאגע פון אידען אין רוסלאנד פון 1795 ביז 1825. *)

עקאטהערינא דיא צווייטע. — אלגעמיינער מאניפעסט און ספּעציעלער בעפעהל וועגען אידען. — פּאַוועל דער ערשטער. — בעשטעטיגונג פון עקאטהערי נא'ס פּריווילעגיעס און איניגע ענדערונגען.— אלכסנדר דער ערשטער. — ליב עראלערע געזעצע וועגען אידען.

דיא לעצטע צוטהיילונג פון פּוילען איז געשעהען אונטער דער רעגירונגסצייט פון עקאטהערינא די צווייטע 1796—1762. דיעזע רוסישע קייזערין האָט זיך צו איהרע נייע בעזיעגטע פּראָווינצען געצייגט אלס פריינדליכע הערשערין. ענדע 1794 האָט זיא ארויסגעגעבען א מאניפעסט פיר ליטא, אין וועלכען זיא האָט ערקלערט, דאָס אלע בירגער פון דיעזער פּראָווינץ קענען רעכנען אויף איהר פריינדליכען שוץ, ווען זיי וועלען זיין טריי צו רוסלאנד. דיעזער מאניפעסט איז געוועזן געמיינט פיר אלע נאציאָנאליטעטען פון ליטא, אונטער וועלכע עס זיינען אויך געוועזן דיא אידען. וועגען דיא אידען פון אנדערע פּראָווינצען, וועלכע האָבען געהערט צו רוסלאנד פון פריהער, האָט דיא קייזערין דעם 23טען יוני פון דעם זעלביגען יאָהר ארויסגעגעבען א בעזונדערן בעפעהל. דיעזער בעפעהל האָט געלויטעט, דאָס אידען האָבען דאָס רעכט צו וואָהנען און זיך בעשעפטיגען מיט מלאכות און האנדעל אין דיא שטערט פון

*) גענויערעס איבער עקאטהערינא'ס בעהאנדלונג פון אידען וועט דער לעזער געפינען אין דריטען קאפּיטעל פון דיעזער געשיכטע אין „צוקונפט“ פיר מאָנאט אפּריל.

די גובערניעס מינסק, איזיאסלאוו, בראצלאוו, פאלאצק, מאהילעוו, קיעוו, טשערניגאוו, נאוואגראד־סיעווערסק, יעקאטערינאסלאוו און טאווריא, מיט דער בעדינגונג, דאס זיי זאלען צאהלען דאפעלטע שטייער אין פערגלייך מיט דיא קריסטען. דער בעפעהל האט ווייטער געזאגט, דאס אידען, וועלכע ווילען ניט פערבלייבען אין רוסלאנד, זאלען האבען דאס רעכט דאס לאנד צו פערלאזען, ווען זיי בעצאהלען א סומע וויא פיעל עס בעטרעפט דיא דאפעל־שטייער פיר דריי יאהר.(*)

אין עקאטהערינא'ס צייטען האט זיך געגרינדעט דיא ערשטע אידישע דרוקעריי אין ליטא. דיעזע דרוקעריי איז עטאבלירט געווארען אין דער שטאדט גראדנא (הוראדנא), וועלכע דיא קייזערין האט ערקלערט פיר דיא הויפטשטאדט פון דער פראווינץ. לויט א בעפעהל פון דער רעגיערונג איז גראדנא געוועזען דער איינציגער ארט, וואו עס האט געמעגט עקזיסטירען א דרוקעריי. אלע דרוקערייען פון דער פראווינץ זיינען דאן אריינגעפיהרט געווארען אין דיעזע שטאדט.

פאוועל דער ערשטער (1796—1801) איז אין דער בעהאנדלונג פון אידען געוועזען אזוי מילד וויא זיין מוטער. ער האט בעשטעטיגט עקאטהערינא'ס בעפעהל וועגען דיא ערטער, וואו אידען האבען געמעגט וואהנען. אין דעם יאהר 1797 זיינען דיא פראווינצען, וועלכע עקאטהערינא האט אויסגערעכענט אין איהר בעפעהל, בעשטימט געווארען אלס שטענדיגער בעזעצונגס־ארט פיר אידען. אין 1799 האט דיא רעגיערונג ארויסגעגעבען געזעצע פיר דיא פערוואלטונג פון דיא אידישע געמיינדען אין קורלאנד. דעם זעלבען יאהר איז ארויסגעגעבען געווארען א פעראָרדנונג, לויט וועלכער אידען, וואס זיינען ניט אין שטאנד צו צאהלען דאפעלטע שטייער, זאלען מעגען פריי, אהן שום שטייער, אויסוואנדערן אין אויסלאנד. אין 1800 איז דיעזע פעראָרדנונג אבגעשאפט געווארען און עס איז ארויס א געזעץ, דאס אידען, וואס צאהלען ניט קיין דאפעל־שטייער, זאלען זיין געצוואונגען צו ארבייטען אין דיא מינען־פאבריקען. פאוועל האט אבגעשאפט עקאטהערינא'ס געזעץ וועגען דיא דרוקערייען פון ליטא (לויט דיעזען געזעץ האבען דרוקערייען נאר געמוזט זיין אין גראדנא) און עס האט זיך דאן געגרינדעט נאך א אידישע דרוק אין ווילנא. אין פאוועל'ס צייטען זיינען געזעצט געווארען צענזארען פיר אידישע ספרים, וואס זיינען געקומען פון אויסלאנד. דיא ערשטע אידישע צענזארען זיינען געוועזען משה העקיל און יחזקאל דוד לעווי, וועלכע זיינען געזעסען אין דעם צענזור־אמט פון ריגא.

אלכסנדר דער ערשטער (1801—1825) איז צו דיא אידען עבענפאלס געוועזען גוט גענייגט און ער האט זיי בעהאנדעלט ליבעראלער וויא זיינע פארגענגער. עקאטהערינא און פאוועל האבען זייערע אידיישע אונטערטהאנען בעטראכטעט אלס פרעמדע, אלס אויסלענדער, און זיי האבען זיך בענוגענט מיט געבען בלויז לייכטערע בעדינגונגען פיר זייער מאטעריעלע עקזיסטענץ. אלכסנדר האט בעטראכט דיא אידען, וועלכע האבען געלעבט אונטער איהם, אלס קינדער פון רוסלאנד און ער האט זיך פארגענומען צו זארגען פיר זייער גייסטיגען וואוילשטאנד אזוי גוט וויא פיר זייער מאטעריעלע לאגע. אין 1804 האט ער ערלויבט אידישע קינדער צו בעזוכען אלע עפענטליכע לעהר־אנשטאלטען; ער האט ערלויבט אידען צו קויפען אדער נעהמען אין ארענדע גרונד־אייגענטהום און זיך צו בעזעצען אויף קאזיאנע אימעניעס (גיטער וואס געהערען צו דער קרוין), אום זיך צו בעשעפטיגען מיט לאנד־ארבייט; ער האט זאגאר פיר אידען בעוויליגט לאנד פיר קאלאניזאציאן. נאר אין דער הינזיכט פון בעזעצונגס־רעכט האט אלכסנדר'ס רעגיערונג פערפאלגט דיא פריהערדיגע טאקטיק פון בעשרענקונג. זיא האט נעמליך ארויסגעגעבען א געזעץ, לויט וועלכען אידען זאלען ניט טארען וואהנען נעהנטער וויא פופציג ווערסט פון א גרענעץ; זיא האט זאגאר געוואלט אידען פערבאטען זיך אויפצוהאלטען אין דערפער, אבער דאס איז ניט דורכגעפיהרט געווארען, ווייל דער מיניסטער וונוטרעננין דיעל (מיניסטער פון איננערן) האט איינגעוויעזען, אז דורך אזא בעשרענקונג וועלען דיא אידען איינפאך שטארבען פון הונגער.

אין 1812 האט א קאמיסיאן, וועלכע אלכסנדר האט געזעצט צו אונטערזוכען דיא אידישע לאגע, רעקאמענדירט, אז דיא בעשרענקונגען פון אידישער בעזעצונג אין פוילען און ביעלאראכיא (ווייס־רוסלאנד) זאלען אבגעשאפט ווערען, אבער דיעזע רעקאמענדאציאן איז ניט אנגענומען געווארען.

אויסער אין דער הינזיכט פון בעזעצונגס־רעכט זיינען אלכסנדר דעם ערשטענ'ס געזעצע וועגען אידען דורכגעדרונגען מיט אן אונגעוועהנליכען ליבעראלען גייסט. עס איז פון זיי צו זעהן, דאס דיעזער צאר האט געמיינט אידען צו טהאן פיעל גוטעס. היער איז אין קורצע פאראגראפען אלכסנדר'ס געזעצגעבונג וועגען אידען:

*) גענויערעס איבער עקאטהערינא'ס בעהאנדלונג פון אידען וועט דער לעזער געפינען אין דריטען קאפיטעל פון דיזער געשיכטע אין „צוקונפט" פיר מאנאט אפריל.

1. געזעצע וועגען בילדונג.

1) עס איז אידען ערלויבט צו בעזוכען אלע עפענטליכע שולען, אוניווערזיטעטען און אקאדעמיעס אין אלע פּראָווינצען פון רוסלאנד און אין אלע הויפּט־שטעדט פון דער אימפּעריע, צוגלייך מיט אלע אנדערע נאַציאָנאַליטעטען.

2) שטודענטען פון אוניווערזיטעטען, וואָס צייכנען זיך אויס אין מעדיצין, כירורגיע, פיזיק, מאטהעמאטיק און אנדערע וויסענשאפטען, זאָלען האָבען דיא זעלביגע רעכטע, וואָס דיא שטודענטען פון דיא אנדערע נאציאנאַליטעטען האָבען.

3) ווען אידען ווילען ניט שיקען זייערע קינדער אין דיא אלגעמיינע עפענטליכע לעהר־אנשטאלטען, זאָלען פיר זיי געגרינדעט ווערען בעזונדערע שולען אויף זייערע אייגענע הוצאות און צו דיזען צוועק זאָל אויף זיי ארויפגעלעגט ווערען א ספּעציעלע שטייער.

2. געזעצע וועגען איינטהיילונג.

1) אידען זאָלען איינגעטהיילט ווערען אין פיער קלאסען: 1) ערד־ארבייטער, 2) פאבריקאנטען און האנדווערקער, 3) קויפלייט און 4) שטאדט־בירגער (מיעשטשאנעס).

2) דיזע פיער קלאסען האָבען דאָס רעכט צו קויפען, פערקויפען און פאכטען (דינגען) גרונד־אייגענטהום אין ליטא, ביעלאָראָססיא, מאלאָראָססיא, קיעוו, מינסק, וואָלהין, פּאָדאָליא, אַסטראכאן, קאווקאז, יעקאטערינאסלאוו, כערסאָן און טאווריא, און זיי מעגען דינגען לייטע (קריסטליכע) מיט קאָנטראקט צו בעארבייטען זייער לאנד. אידען, וועלכע נעהמען לאנד אין ארענדע און בעארבייטען עס אויף זייערע הוצאות, זיינען פריי פון אלע אבגאבען פיר פינף יאָהר צייט. דיא, וועלכע זיינען ניט אין שטאנד צו קויפען אָדער נעהמען אין ארענדע, זאָלען קריגען לאנד פריי זיך צו בעזעטצען און צו בעארבייטען (אין דיא געוואנטע גובערניעס) און צו דיזען צוועק זאָל דיא רעגיערונג זיי געבען אין אָנפאנג ביז 30,000 דיעסיאטין אין יעדער פון דיא געוואנטע גובערניעס, און זיי זאָלען זיין פריי פון שטייער פיר צעהן יאהר; אויך זאָלען זיי צו דיזען צוועק קריעגען אלס הלוואה א בעשטימטע סומע פון קאזנא, וויא דיא קאָלעניסטען, וואָס קומען פון אויסלאנד. און אלע אידען, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט ערד־ארבייט זיינען פריי פון דאָפּעלטע שטייער.

3) אידען איז ערלויבט צו האָבען פאבריקען איבעראל וואו זיי וואהנען און זיי זאָלען האָבען אלע רעכטע וואָס די רוסישע (קריסטליכע) פאבריקאנטען האָבען. די רעגיערונג זאָל זיי צו דיעזען צוועק געבען לאנד און אין אלע גובערניעס פון פוילען זאָל יעדען יאָהר בעשטימט ווערען א סומע פון צוואנציג טויזענד רובעל צו געבען אלס הלוואה צו יעדען וואָס וויל זיך אויף אזא ארט בעשעפטיגען, אָהן זיכערהייט פון גרונד־אייגענטהום, נאָר אויף דיא ערבות פון צופערלעסיגע אידען. דיזע פאבריקאנטען זאָלען זיין פריי פון דאָפּעלטען שטייער. אויך ארעלייט, וועלכע גרינדען פאבריקען זיי צו פערדינגען צו אידען, קענען קריעגען א הלוואה פון דער סומע, וועלכע איז בעשטימט צו דיזען צוועק.

4) אידען האָבען דאָס רעכט זיך צו בעשעפטיגען מיט יעדער מלאכה אהן שום שטערונג פון אירגענד א צעך, און ווען אידישע בעלי־מלאכות געפינען ניט קיין בעשעפטיגונג אין דיא ערטער, וואו זיי איז ערלויבט צו וואוינען, זאָלען זיי מיט דער צושטימונג פון דעם מיניסטער וונוטרעניך דיעל (פון אינערן) ערהאלטען שטיצע זיך צו בעזעצען אין אזעלכע געגענדען, וועלכע זיינען ווענינ בעזעצט, און דאָרטען ארבייטען. אויך האנדווערקער זיינען פריי פון דאָפּעלטע שטייער.

5) עס איז אידען ערלויבט זיך צו בעשעפטיגען מיט יעדען האנדעל, און אידישע סוחרים, פאבריקאנטען און בעלי־מלאכות האָבען דאָס רעכט וועגען זייער בעשעפטיגונג צו קומען אין אינערן רוסלאנד און אין דיא הויפּטשטעדט מיט זייערע פאמיליען מיט א גובערנאטאָרסקען פּאספּאָרט, אבער מיט דער בעדינגונג, אז דיא צייט וואָס זיי געפינען זיך דאָרטען, זאָלען זיי טראגען מאָדערנע קליידער.

6) ווען אידען ווילען זיך טריי אָבגעבען מיט ערד־ארבייט, פאבריקען און האנדעל און ווילען זיך פלייסיג בעמיהען צו פערבעסערן דיזע פאכען, וועט דיא רעגיערונג זעהן אויסצוגלייכען דיא אידען מיט דיא אנדערע נאציאָנאליטעטען פון רוסלאנד וועגען דיא שטייערן.

7) אָבער עס איז שטרענג פערבאָטען דיא אידען, וואָס וואָהנען אין אסטראכאן, קאווקאז, מאלאָראָססיא, נאָוואָראָססיא, פון 1807, און אין אנדערע פּראָווינצען זייט 1808, צו האלטען טראקטירען און שענקען אין ד ע ר פ ע ר און ק ר ע ט ש מ ע ס.

3. וועגען בירגערליכע אָרדנונג פון אידען.

1) אידען זאָלען שטעהן פאַר'ן בירגערליכען געזעץ גלייך מיט אלע אנדערע נאציאָנאליטעטען פון רוסלאנד. בירגערליכע און קרימינעלע פּראָצעסען פון אידען זאָלען געפיהרט ווערען אין דיא אלגעמיינע געריכטס־הייזער און קיין ארעלמאן, אויף וועמעס גיטער א איד געפינט זיך, האָט קיין רעכט איהם צו משפּט'ן.

2) עס איז פערבאָטען אָנצוריהרען אידישעס גוטס און פערמעגען, צו שטערען אידען זייער גאָטעס־דינסט, זיי בייזעס טהאָן אָדער פערשעמען מיט שימפּפווערטער. דיא וואָס

גרייפען אָן א אידען אויף איינע פון דיעזע אר־טען, זאָלען בעשטראָפט ווערען לויט דיא געזעצע, וועלכע זיינען איינגעפיהרט פיר אלע בירגער פון לאנד.

3) אידען האָבען דאָס רעכט אין די שטעט, וואו זיי וואוינען, אויפצונעהמען רבנים און ראשי הקהל אויף דריי יאָהר. דער מאגיסטראט פון שטאָדט האָט ניט צוזאָגען אויף דיא אויפ־נעהמונג פון א רב און ער טאָר אויף דיא אידען ניט ארויפלייגען קיין שטייער.

4) דער רב זאָל אכטונג געבען אויף דיא רעליגיאָנס־אנגעלעגענהייטען, פסק'ענען שאלות אין אמונה זאכען, אָבער ער האָט קיין רעכט און קיין מאכט ארויפצולייגען געלד־שטראָף און בע־זאָנדערס טאָר ער ניט ארייגלייגען אין חרם.

5) דיא פליכט פון קהל איז איינצומאָהנען דיא אבגאבען און צו בריינגען דאָס איינגע־מאָהנטע געלד אין קאזנא. זיי טאָרען ניט ארויפלייגען קיין נייע שטייער אויף דיא מיט־גליעדער פון דער קהילה אָהן דער צושטימונג פון דער רעגיערונג.

6) אידען האָבען דאָס רעכט צו וועהלען (ראטהס־מיטגליעדער פון מאגיסטראט, אָבער דיא געוועהלטע פערזאָנען דארפען טראָגען דיא זעלביגע קליידער וואָס זייערע ניט ־ אידישע שכנים טראָגען; און פון 1808 זאָל קיינער ניט געוועהלט ווערען צום מאגיסטראט, וואו ער קען ניט לעזען אָדער שרייבען רוסיש, דייטש אָדער פויליש.

7) אויך דיא רבנים און ראשי הקהל, וואָס וועלען געוועהלט ווערען פון 1812, מוזען קענען לעזען און שרייבען איינע פון דיעזע דריי שפראכען.

נאָר דיא אידען זיינען ניט געווען צופרידען מיט אלכסנדר'ס געזעצע. ערד־ארבייט איז פיר זיי געווען א שווערע בעשעפטיגונג און דעם פערבאָט צו האלטען שענקען אין דיא דערפער האָבען זיי בעטראכט פיר אזא אונגליק, דאָס זיי האָבען אויף דעם גוזר תענית געווען. אויך מיט דיא געזעצע וועגען דיא שולען זיינען זיי געווען זעהר אונצופריעדען. זיי האָבען געמיינט, אז דיא רעגיערונג וויל זיי אראָבפיהרען פון דער אמונה. נאָר וועניגע פון זיי האָבען זיך גענומען צו שטודירען. דיא ערשטע אידישע שטודענטען זיינען געווען ראָזענסאָן, קיסעלעווסקי און זייי־בערלינג אין ווילנער אוניווערזיטעט. אלכסנדר האָט זעהר שטארק געוואָלט, אז זיינע אידען זאָלען זיך בילדען. עס ווערט ערצעהלט, דאָס ער פלעגט זאָגען: „ווען מיינע אידען וואָלטען ארויסגעבען איין „מענדעלסזאָהן" וואָלט איך מיך געפיהלט גענוג בעלוינט פיר מיין מיהע וועגען זיי".

אין 1817 האָט אלכסנדר'ס רעגיערונג ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז אלע אידען זאָלען ווערען פערשריעבען אין סקאזקע און זאָלען אָננעהמען פאמיליען־נעמען. ביז יענער צייט זיינען געווען פיעלע אידישע מישפחות אָהן פאמיליען־נעמען.

# דער אדלער

וואו דיא ריעזענוואָלקען יאגען
אויבען, אין דעם העכסטען אָרט,
שוועבט דער קייזער פון דיא פויגעל,
פליהט דער גרויסער אָדלער דאָרט.

מיט דיא שטאַרקע פליעגעל פאָכט ער
אין דער לופטען און ער פליהט.
עלענדער, אַ חוץ דיא הימלען
האָט ער קיין חברים ניט.

ווערט ער מיעד פון שווערע רייזען,
רוהט ער איינזאָם און אַליין
ביי דעם זוים פון טיעפע וואַסערס,
אויף אַ הויכען באַרג פון שטיין.

מיט פעראַכטונג קוקט ער אונטען,
שאָקלענדיג זיין שטאָלצען קאָפּ,
אָפט נאָר, ווען איהם צווינגט דער הונגער,
לאָזט ער זיך מיט וועה אראָפּ.

מ. ר.

# מיכאַילאָווסקי'ס פּאָלעמיק מיט מאַרקסיסטען

מיט א ברענענדען התלהבות מיט א מין לײדענשאפט האָט די רוסישע פּאָרט־געשריטענע אינטעלי־גענץ בעגעגענט דעם קאפּיטאליזמוס, פאַר־שטעלענדיג איהם אלס דעם אײנציגען ערלײ־זער פון דעם פער־שקלאַפטען רוסישען פאָלק.

אונבעמערקט איז ער געקומען, דער קאפּי־טאליזמוס, וויא ארײנגע'גנב'עט האָט ער זיך אין רוסלאַנד, און ווען מען האָט איהם בע־מערקט, איז שוין געווען צו שפּעט צו פערמאַ־כען פאר איהם דיא טהיר, אויב דאָס איז אי־בערהויפּט מעגליך אירגענד־וואו. דאָס איז גע־שעהן אין אָנפאנג פון דיא 90 יאָהרען פון פאַ־ריגען יאָהרהונדערט; און אויפ'ן ים פון רוסי־שען לעבען זיינען ארויסגעשוואומען רוסישע מאַרקסיסטען.

דיא ווערטער „רוסישע מאַרקסיסטען“ קע־נען זײן פאר מאנכע לעזער ניט גענוג קלאָר. וואָס איז עפּעס רוסישע מאַרקסיסטען? מיט וואָס אונטערשיידעט זיך מאַרקס' לעהרע אין דײטשלאַנד, וויא אין רוסלאַנד?

אום צו ענטפערן אויף דיעזע פראגען מוזען מיר ערקלערען פאָלגענדעס:

ווען קארל מאַרקס האָט ערקלערט זײן מאטע־ריאַליסטישען שטאנדפּונקט זיינען שוין דער קאַ־פּיטאליזמוס און אינדוסטריע געווען גוט ענטווי־קעלט און אײנגעוואָרצעלט ניט נאָר אין ענג־לאַנד, זאָנדערן אויך אין דײטשלאַנד. מאַרקס האָט ניט איין מאָל ערקלערט דיא גרויזאַמע ווירקונגען פון קאפּיטאליזמוס, ניט איין מאָל האָט ער אָנגעצײגט אויף דיא שרעקליכע וואונדען, וועלכע דער קאפּיטאליזמוס פערשאַפט דיא נידריגע קלאַסען, אביערהויפּט דעם פּראָלעטאַר־יאַט, דיא לאָהן־ארבײטער. נאָר דער קאפּיטאַ־ליזמוס איז א פאַקט, וועלכען קײנער קען ניט אויסמיידען א געוויסע צײט ווײל ער איז דער רעזולטאַט פון בעשטימטע עקאָנאָמישע אור־זאַכען. לויט דעם גאַנג און ענטוויקלונג פון גע־זעלשאַפטליכען לעבען האָט דיא מענשהײט גע־מוזט קומען צו אזא שטאנד, וואו דער קאפּיטאַ־ליזמוס איז אײנפאַך נויטהווענדיג. דורך דעם קאפּיטאליזמוס, — האָט מאַרקס בעשטעטיגט, שאפט זיך דיא געזעלשאפט א וועג צו פאָלקאָ־מענע פרײהײט. ניט אונזער בײזערען זיך, ניט אונזערע אפּלאָדיסמענטען קענען שטערען אָדער העלפען דעם ריעזיגען מאַרש־גאַנג פון קאפּיטאַ־ליזמוס. מיר דאַרפען נור זעהן, וויא אם בעסטען צו אָרגאַניזירען דיא ארבײטער, אין וועלכע דער קאפּיטאליזמוס האָט ערוועקט זײער קלאַסענ־געוויסען און ז. וו. ווען דער קאפּיטאלזמוס וועט זײן גענוג קאָנצענטרירט און דיא ארבײטער גוט אָרגאַניזירט, קלאַסענבעוואוסט (און בע־וואוסט וועלען זײ מוזען זײן, נאָך מאַרקס'ען), וועלען מוזען פאַרקומען דיא סאָציאַלע אומ־וועלצונגען, וועלכע וועלען בעלעבען דיא געזעל־שאַפט און אײנפיהרען א נײע אָרדנונג — דיא סאָציאַליסטישע.

דיעזע ריכטיגע ערקלערונג האָבען דיא רו־סישע מאַרקסיסטען אויפגעכאַפּט אלס זײער הויפּט־געוועהר. נאָר ווערענד מאַרקס איז גע־שטאַנען פאר א גוט פאַרמירטען אײנגעוואָר־צעלטען בוים, האָבען זײנע רוסישע אנהענגער געהאַט צו טהון מיט א קלײן פלאַנצעלע, וועל־כע האָט נאָר וואָס אָנגעהויבען צו לאָזען בלעט־לעך. צו יונג איז נאָך געווען דער קאפּיטאליזמוס אין רוסלאַנד. דיא קאפּיטאליסטען האָבען זיך נאָך געגוויטיגט אין דער הילפע פון דער רעגיע־רונג, אין סובסידיעס, הלוואות און ד. ג. צו דיא בייערען האָבען זײ נאָך כמעט קײן שליטה ניט געהאַט. דער קאפּיטאליזמוס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבען „צו רײסען“, אָבער קײן וואונדען האָט ער נאָך ניט געמאַכט.

נאַטירליך, זײנען אלע געשטאַנען פאר א לעבעדיגע פראגע: קען מען אויסראָטען דעם קאפּיטאליזמוס, איהם אויסרײסען באלד מיט'ן וואָרצעל, אָדער מען וועט איהם שוין ניט, בײ־קומען און מען מוז זיך אונטערגעבען?

דעות זײנען געווען פערשידענע. אײניגע האָבען געשריען, אז דער קאפּיטאליזמוס איז אונמעגליך אין רוסלאַנד. זײ האָבען גע'טענה'ט, אז דיא בעדינגונגען אין רוסלאַנד זײנען אנ־דערש, וויא אין וועסט אײראָפּא. זײ האָבען געגלויבט, אז דורך דיא ארבײטער ארטעלען (א מין קאָאָפּעראַציאָן) אין דיא שטעדט און דיא „אָבשטשינעס“ (געמײנדעס) אין דיא דער־פער, וויא אויך דורך דעם דעספּאָטיזמוס פון דער רעגיערונג האָט דער קאפּיטאליזמוס קײן ברייטען פלאַץ אין רוסלאַנד. פיעלע טאַלענט־

פּאָלע שרייבער האָבען פערטהיידיגט דיעזע מיינונג.

דיא מאַרקסיסטען, אין געגענטהייל, האָבען ערקלערט דעם קאַפּיטאַליזמוס אַלס דעם מעכטיגסטען פאַקטאָר אין רוסישען לעבען און האָבען געפאָדערט, מען זאָל פאַר איהם עפענען אַלע טהירען און טויערען, איהם פערשפּרייטען אין אַלע ווינקעלעך.

דער בויער איז ספּעציעל געוואָרען דער געגענשטאַנד פון הייסע וכוחים. וועהרענד דיא „נאַראָדניקעס" האָבען אויף איהם געקוקט, וויא אויף דעם פעסטען זייל פון דער געזעלשאַפט, האָבען דיא מאַרקסיסטען איהם גערופען „אידיאָטיזמוס פון דאָרף".

„זאָלען מיר געהן זיך לערנען צום קאַפּיטאַליזמוס", — האָבען גע'טענה'ט דיא מאַרקסיסטען, מיינענדיג דערמיט, אז מען דאַרף איהם שאַפען דיא מעגליכקייט זיך צו ענטוויקלען איבער'ן גאַנצען לאַנד אָהן שטערונגען; „מען דאַרף איבערקאָכען דעם ארבייטער אין פאַבריק'ס קעסעל", — דיעזע און נאָך אַזוינע פראַזען, וועלכע א מאַרקסיסט האָט ארויסגעזאָגט פיליכט אין דער היץ פון פּאָלעמיק, צופיעל איבערטרייבענדיג זיינע אייגענע איבערצייגונגען, זיינען אויפגעכאַפּט און פערשפּרייט געוואָרען אַלס א תורת משה.

מיכאַילאָווסקי, וועמעס טהעאָריע מען רופט „סוביעקטיווער מעטאָד", האָט דיא גאַנצע צייט געפיהרט א הייסען און ביטערען קאַמפּף געגען דיעזע ביידע פּאַרטייען. איבערצייגענדיג דיא נאַראָדניקעס, אז דער קאַפּיטאַליזמוס איז מעגליך אין רוסלאַנד און אז דער עיקר, דיא סאַמעטענע פון דער געזעלשאַפט איז ניט דער פּראָסטער, אונוויסענדער און אונבעוואוסטער „מוזשיק", איז ער אָבער אין דער זעלבער צייט ארויסגעטרעטען געגען דיא מאַרקסיסטען פאַר זייער צו שטרענגע צוגעבונדענקייט צום „פּסוק", צום בוכשטאַב פון „קאַפּיטאַל".

דיא מיינונגען, אז דיא קראַפט פון קאַפּיטאַליזמוס איז אונבעשריינקט און אַלמעכטיג, אַלס אַן אונפערמיידליכער פּראָדוקט פון היסטאָריע, אז מיר מוזען זיין אונטערוואָרפען אונטער זיין קראַפט, ווייל דאָס איז א נויטהווענדיגקייט — דיעזע מיינונגען האָט מיכאַילאָווסקי גערעכענט פאַר א פאַלשע. ער האָט אימער געשטריט געגען דער מיינונג, אז דעם מענשענס ווילען, דעם מענשענס פּראָטעסט שפּיעלט קיין ראָלע אין לעבען און אז דער מענש מוז זיין אונטערוואָרפען דער גאַנצער געזעלשאַפט (זעה מיין ארטיקעל: „מיכאַילאָווסקי'ס פילאָזאָפיע", צוקונפט נומ. 7), נאָר אין דיא לעצטע יאָהרען האָט ער ענטוויקעלט זיין סוביעקטיווען מעטאָד ביז דער העכסטער שטופע.

„דער קאַפּיטאַליזמוס מאַרשירט—האָט ער געשריבען—דאָס איז, אָהן צווייפעל, ריכטיג. דיא פראַגע בעשטעהט נאָר אין דעם, וויא מיר זאָלען איהם בעגעגענען".

דיא מאַרקסיסטען האָבען אויף דעם געענטפערט, אז מען דאַרף איהם לאָזען זיך פערשפּרייטען איבעראַל, אז מען דאַרף אויך דיא בויערן אריינפיהרען אין דיא בעדינגונגען פון א קאַפּיטאַליסטיש - בורזשואזע געזעלשאַפט, ווייל אַנדערש קען עס ניט זיין, עס איז א געזעץ פון היסטאָריע. נאָר געגען אַזא ענטפער איז מיכאַילאָווסקי ארויסגעטראָטען מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין פּאָלעמישען טאַלענט.

ער האָט געזוכט צו בעווייזען, אז קיין מוז איז ניט פאַראַן. מיר דאַרפען און מיר קענען טהון וואָס מיר ווילען. ער האָט אימער געקוקט אויף דיא ענטוויקלונג פון סאָציאַלען לעבען אין רוסלאַנד פון דעם שטאַנדפּונקט פון „מעגליכקייט" און „קענען".

„מיר, רוסישע, שרייבט ער אויף איין אָרט בעזיצען א רייכען פערמעגען, מיר האָבען בירושה אַלע פּראַקטישע אויפטואונגען פון אייראָפּא, מיר האָבען איהר היסטאָריע, איהר וויסענשאַפט. מיר זיינען א פאָלק, וואָס איז ביז יעצט געווען, זאָ צו זאָגען, צו געטריבען צו דער ציוויליזאַציע. אונזער ציוויליזאַציע טרעט ארויס אַזוי שפּעט, אז מיר האָבען שוין געהאַט גענוג צייט זיך איינצוקוקען אין דער פרעמדער היסטאָריע און מיר קענען פיהרען אונזער אייגענע אין גאַנצען בעוואוסט". (מיכאַילאָווסקי, באַנד 1, זייטע 807).

„דיא בעוואוסטע טהעטיגקייט פון מענשען איז פּונקט אַזא פאַקטאָר פון דער היסטאָריע, וויא דיא נאַטירליכע קראַפט פון דער ערד אָדער קלימאַט" (באַנד 6 זייטע 101).

„מיר קענען ניט אריינרופען צו זיך דיא בורזשואזיע אָהן געוויסענסביסע, ווייל מיר ווייסען, אז איהר עקזיסטענץ הייסט אוועקרויבען ביי'ם פאָלק זיין זעלבסטשטענדיגקייט". (באַנד 5, זייטע 542).

דיא ענטוויקלונג פון געזעלשאַפטליכען לעבען געהט אַלזאָ ניט נאָך א נויטווענדיגע פּראָגראַם; דיא סאָציאַלע ערשיינונגען אין לעבען זיינען ניט פאַטאַל, אָנגעצייכענט פריהער מיט דער האַנד פון היסטאָריע, אַלס אן אונפערמיידליכע נויטהווענדיגקייט. מיר קענען יעדע ערשיינונג אויסנוצען נאָך אונזער ווילען, צו גונסטען פון אונזערע סוביעקטיווע שטרעבונגען, לויט אונזער אידעאַל, לויט דיא גערעכטיגקייט פאָדערט פון אונז.

מיר טאָרען ניט שטעהן, וויא צושויער מיט בינאָקלען אין דיא אויגען, און צוזעהן, וויא דער קאַפּיטאַליזמוס שפּרייזט איבער מענשליכע קערפּער, פאַרגיסענדיג ארום זיך טייכען בלוט.

עס איז צו אָפּטימיסטיש צו דענקען, אַז דיא צייט פון עקספּלואטאציע איז שוין נאָהענט צום סוף, אַז דיא שמערצען און ליידען, וועלכע דער קאַפּיטאַליזמוס האָט פערשאַפט אין אייראָפּא, זיינען שוין כמעט פערשוואונדען, און אַז דיא גוטע זייטען פון קאַפּיטאַליזמוס, וויא דיא פער־אייניגונג פון ארבייט, זיינען שוין גענוג רייף, אום איבערצו־וועגען דיא שלעכטע.

דאָס ווירקליכע לעבען האָט געציינט, אַז דער קאַפּיטאַליזמוס שפּרייזט גאָר ניט אַזוי גלייך און רעגעלמעסיג צו זיין קבר. פערקעהרט, ער האָט זיך ארויסגעציינט זעהר ווייך, ער לאָזט זיך בויגען אין אַלע זייטען און קען זיך צופּאַסען צו אַלע בעדינגונגען פון דער צייט און פּלאַץ, הערשענדיג איבער דיא נייע בעדינגונגען און מאַכענדיג זיי אונטערטהעניג צו זיך.

אַלס אַן הויפּט ארגומענט פאַר'ן קאַפּיטאַליזמוס האָבען דיא מאַרקסיסטען ארויסגעשטעלט דיא פעראייניגונג פון ארבייט, וועלכע ווערט געשאַפען דורך דעם אייזערנעם געזעץ פון קאַפּיטאַל. מיכאַילאָווסקי לייקענט ניט אָפּ דעם לעבעדיגען פאַקט; ער ערקלערט נאָר, אַז מען דאַרף אונטערשיידען דעם פּראָצעס, וויא דיא ארבייט געהט צו אין דעם קאַפּיטאַליסטישען צושטאַנד. ער איז איבערצייגט, אַז דיא פעראייניגונג פון ארבייט בעשטעהט ביי היינטיגע אומשטענדען בלויז אין דעם, וואָס „עטליכע הונדערט אָדער טויזענד ארבייטער שאַרפען, דרעהען, לייגען ארויף, לייגען אונטער, שלעפּען, ציהען, קלאַפּען און מאַכען אַנדערע פערשיעדענע אָפּעראַציעס אין איין געביידע. דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון דיזען סיסטעם ווערט ארויסגעדריקט מיט דעם שפּריכוואָרט: יעדער פאַר זיך און גאָטט פאַר אַלע“. (באַנד 5, זייטע 786).

דיא זייטען פון קאַפּיטאַליזמוס, וועלכע דיא מאַרקסיסטען רעכנען געוועהנליך פאַר גוטע, דיא פּאָזיטיווע זייטען זיינען, נאָך מיכאַילאָווסקי'ס מיינונג, אין אמת'ן נעגאַטיווע. ער דענקט, אַז אויב דער קאַפּיטאַליזמוס האָט יאָ אַ היסטאָריש - סאָציאָלאָגישע אויפגאַבע, איז דאָס נור אַ נעגאַטיווע, נעמליך: צו שאַפען אונצופרידענהייט און ארויסרופען פּראָטעסטען געגען דיא קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. דער קאַפּיטאַליזמוס צווינגט דיא ארבייטער אויפצוהייבען דיא פאָהן פון אויפשטאַנד.

„דאָס שלעכטע שאַפט גוטעס“, אָבער דאָס איז פּונקט דאָס זעלבע, וויא איינער זאָל זאָגען, אַז פּיעבער איז גוט, ווייל ער האָט געשאַפען כינין, אָדער אַז סקאַרלאַטין איז גוט, ווייל צוליעב איהר האָט מען ערפונדען סיוואָראָטקע.

ווען מען זאָל אפילו צוגעבען, אַז דיא פעראייניגונג פון ארבייט האָט געשאַפען מעהר אָדער ווענינגער סאָלידאַריטעט ביי דיא ארבייטער, וויא עס ווייזען דיא פאַקטען אין וועסט אייראָפּא, איז דאָס כלל ניט דורך דיא דירעקטע בעדינגונגען „פון דעם פאַבריק'ס קעסעל“, נאָר ווייל דאָרט איז דער ארבייטער מעהר ענטוויקעלט, געבילדעטער און פערשטעהט זיינע פּאָליטישע און סאָציאַלע אינטערעסען.

דיעזער פאַקט דיענט מיכאַילאָווסקי'ן אַלס אַ בעווייז, אַז דיא ענטוויקלונג פון סאָציאַלע ערשיינונגען קען מען ניט בעשרענקען בלויז מיט'ן געזעץ פון היסטאָרישע נויטהווענדיגקייטען. אין דיעזער ענטוויקלונג שפּיעלט אַ וויכטיגע און גרויסע ראָלע דעם מענשענ'ס בעוואוסטזיין און, פאָלגליך, זיין ווילען, זיין קאַמפּף געגען דיא אייזערנע געזעצע פון היסטאָריע, אַ קאַמפּף, וועלכער ווערט אָנגעפיהרט, לויט דיא סובּיעקטיווע שטרעבונגען פון מענשען.

דעם מענשענ'ס רצון איז אַ שרייפּעלע אין דער היסטאָרישער קייט. אין געוויסע היסטאָרישע מאָמענטען קען דער מענש אָנדייטען דער היסטאָריע דיזען אָדער יענעם וועג, איבער וועלכען זיא זאָל געהן צו גונסטען פון דער געזעלשאַפט.

און אַזא מאָמענט, האָט ער ערקלערט, לעבט איבער דיא רוסישע געזעלשאַפט אין די אָרעמס פון דעם נייעם גאַסט — דעם קאַפּיטאַליזמוס. מען טאָר ניט קוקען אויף איהם וויא אויף אַ פאַטאַלע ערשיינונג, וועלכע איז געקומען „איבערצוקאָכען אַלע ארבייטער אין פאַבריק'ס קעסעל“. וואו עס איז נור מעגליך, דאַרף מען קעמפּפען געגען איהם, מען דאַרף איהם רעגולירען, איהם האַלטען ווייט פון דאָרף. דיעזע ראָלע קען און דאַרף נעהמען אויף זיך דיא אינטעליגענציע.

„גיט דער רוסישער אינטעליגענציע פרייע וואָרט, לאָזט איהר פריי דענקען, און עס קען זיין, אַז דיא בורזשואזיע וועט ניט אויפעסען דאָס רוסישע פאָלק. פער'חתמ'עט דיא מייולער פון דער אינטעליגענציע — און דאָס פאָלק וועט געוויס זיין אויפגעגעסען“. (באַנד 5, זייטע 543).

דאָס זיינען דיא וויכטיגסטע פּונקטען, פאַר וועלכע מיכאַילאָווסקי האָט געשטרייט מיט דיא רוסישע מאַרקסיסטען. דיא הויפּט קרעפטע פון דער מאַרקסיסטישער זייט זיינען געוועזען בעלטאָוו (פּלעכאַנאָוו), סטרואווע, בערדיאיעוו, און מען מוז צוגעבען, אַז אין אייניגע פּונקטען האָט מיכאַילאָווסקי געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף זיינע געגנער, בעזאָנדערס אויף סטרואווע און בערדיאיעוו.

פּ. ראָזענבלאַט.




# דיא גייסטיגע וועלט

## וואסער און אייז געגען דאמפף און שטיינקוילען.

דיא צייט פון דאמפף פערשווינט אלין שנעלער אין דער פערגאנגענהייט. דאס וואס דאמפף־מאשינען האבען אויפגעטאן אין לעצטען יאהרהונדערט, דאס טהוט יעצט אויף עלעקטריציטעט, און ניט ווייט איז דיא צייט, ווען דאמפף־קראפט וועט נאר געברויכט ווערן אין אזעלכע ערטער, וואו מען וועט זיך ניט קענען בענוצען מיט איינפאכע וואסער־קראפט. מיט דער הילפע פון עלעקטריציטעט קעהרען מיר זיך אלין שנעלער אום צו דיא ערשטע מעכאנישע בעוועגונגס־קרעפטע, וועלכע דיא נאטור זעלבסט ליפערט אונז מיט א פרייע האנד, און ספעציעל צו דער קראפט פון שטראמענדען וואסער. דער אונטערשיעד איז נאר, דאס אנשטאט דיא אלט־מאדישע וואסערמיהלען און ווינטמיהלען, אין וועלכע וואסער און ווינט האבען דירעקט געארבייט, דאס הייסט געווירקט אויף דיא בעוועגונגס־רעדער, בענוצט מען זיך אינדירעקט מיט דער קראפט פון שטראמען און וואסערפאלען פיר אינדוסטריעלע צוועקען. דאס געשעהט נעמליך דורך דיא פערמיטלונג פון עלעקטרישע קראפט, וועלכע ווערט ארויסגערופען דורך דיא וואסער־קראפט און וועלכע מען קען שוין יעצט איבערגעבען אויף גאנץ ווייטע שטרעקען.

דיא צענטערס פון אינדוסטריע ווערן דורך דעם ביסלעכווייז אריבערגעטראגען אין ערטער, וואו מען האט א סך וואסער־קראפט, נעמליך: לעבען וואסערפאלען און לעבען בערג, וועלכע זיינען בעדעקט מיט אייביגע אייז. דארט וואו עס זיינען אין פריהערע צייטען געוועזען פערוואָרפענע און וויסטע ווינקלעך, פאנגט זיך אן א לעבעדיגע וועלט, און פאבריקען וואקסען וויא שוועמלעך נאך א רעגען לעבען „דיא מינען פון ווייסע קוילען", וויא מען רופט יעצט דיא גלעטשערס אדער דיא פערפרארענע טייכען אויף דיא הויכע בערג. דיזע מינען ארבייטען פון זיך זעלבסט אונטער דער קאמאנדע פון דיא זונן־שטראהלען, וועלכע וואנדלען אום דיא „ווייסע קוילען", דיא שטיקער אייז, אין וואסער וואס רינט ארונטער פון דיא בערג, בילדענדיג שנעל־שטראמענדע טייכען און פיעלע וואסערפאלען אויפ'ן שטיינערנעם וועג. ביי דיא ברעגעס פון אזעלכע טייכען און וואסערפאלען ווערען אלין מעהר אויפגעשטעלט עלעקטרישע קראפט־הייזער, וועלכע ברייננגען אין בעוועגונג טויזענדע מאשינען אין פערשיעדענע פאבריקען.

דאס איז א שטילע, אבער גוואלדיגע רעוואלוציאן, וועלכע מוז האבען דיא ווייטגעהענדסטע ווירקונגען אויף אלע צווייגען פון געזעלשאפטליכען לעבען. עס איז געוועזען א צייט, ווען מען האט מורא געהאט, אז דער זאפאס פון שטיינקוילען וועט אויסגיין, און דיא מענשהייט וועט בלייבען אהן דיזען נויטווענדיגען פראדוקציאנס־מיטעל. עס איז אמת, אז דיא צייט, ווען עס וועט פעהלען שטיינקוילען, איז נאך גאנץ ווייט, אין טויזענדער יאהרען ארום, דען מען געפינט נאך אלין מעהר קוילען־מינען אין דער ערד; אבער יעצט, ווען מען קען בענוצען דיא „ווייסע קוילען" אנשטאט דיא „שווארצע דיאמאנטען", ווען מען קען איינשפאנען דיא אייביגע וואסער־שטראמען און

וואסער־פאלען אין אלערליי מאשינען, האָט מען גאָר ניט צו קימערן זיך וועגען דיא זאפּאַ־סען פון שטיינקוילען. מען איז פערזאָרגט מיט מעכאנישע קראפט אויף אייביג זאָ לאנג דיא ערד וועט זיך דרעהען אין דעם אונענדליכען וועלט־רוים און זאָ לאנג מענשען וועלען זיך קענען „פרוכטפערן“ אויף איהר.

מען קען זיך קוים פאָרשטעלען, וואָס עס טהוט זיך יעצט ארום דיא אלפען־בערג און לע־בען דיא וואסער־פאלען אין אייראָפּא און בע־זאָנדערס אין דער געגענד ארום דעם גרעסטען וואסערפאל אויף דער ערד—ניאגארא־וואסער־פאל. אין הונדערטע שטעט און שטעטלעך זיי־נען דיא פריהערע דאמפף־מאשינען ארויסגע־יאָגט געוואָרען דורך דיא עלעקטריש־איבערגע־געבענע וואסער־קראפט. דיזע דאמפף־מאשינען בלייבען וויא אויסגעדיענטע סאָלדאטען. וואָס וואָלט געווען ניאגארא אָהן דיא אַנווענדונג פון עלעקטריציטעט ? א פלאץ, וואו רייזענדע וואָל־טען געקומען בעטראכטען דעם וואונדערבארען וואסערפאל. יעצט אָבער איז דאָרט דער גרעס־טער אינדוסטריעלער צענטער פון אמעריקא.

ווען מען זאָל אפילו קענען קריעגען שטיינ־קוילען אומזיסט, לוינט זיך אויך ניט זיי צו געברויכען פיר אינדוסטריעלע צוועק אין דיא ערטער פון וואסער־קראפט, דען דיא קאָסטען צו אָפּערי־ען דאמפף־מאשינען זיינען העכע־וויא צו אָפּערירען עלעקטרישע מאשינען.

צוםביישפיעל, אין באָפאלאָ, וואו מען בעקומט, זאָ צו זאָגען, עלעקטריזירטע וואסער־קראפט 23 מיילען ווייט פון צענטער לעבען ניאגארא־וואסערפאל, קען מען קריעגען צו־געשטעלט א פערד־קראפט פון עלעקטריצי־טעט פאר 25 דאָלאר א יאָהר, עס מאכט גאָר ניט אויס וויא פיעל שטונדען אין טאָג און וויא פיעל טעג אין יאָהר מען זאָל דיזע קראפט אָנ־ווענדען פיר אינדוסטריעלע צוועקען. אין איי־ניגע פאבריקען ארבייט מען טאקע טאָג און נאכט א גאנץ יאָהר. דאָס מאכט בלויז 29־צעהנטלעך סענט א שטונדע פאר א פערד־קראפט, וואָס עס איז פיעל ביליגער וויא בלויז צו שארען קויהלען, וועלכע קענען צושטעלען דיא זעלבע קראפט.

מיט דער צייט, ווען מען וועט אויסגעפינען נאָך בעסערע מיטלען איבערצוגעבען דיא עלעק־טריזירטע וואסער־קראפט אויף נאָך ווייטערע שטרעקען, וועלען דאמפף־מאשינען גאָר ארויס־געטריבען ווערען פון אינדוסטריעלען פעלד, און שטיינקוילען וועלען געברויכט ווערן פיר בע־הייצונג.

### דיא וועלסבאך־מאנטלען.

קוים 19 יאָהר זיינען פאָריבער זייט דער כעמייקער אויער פאָן וועלסבאך האָט ענטדעקט דיא שיינענדע מאנטלען, וועלכע טראָגען זיין נאָמען, און יעצט, רעכענט מען, ווערן זיי פאב־ריצירט וויינינגסטענס 150 מיליאָן א יאָהר. זייער געברויך ווערט וואָס פון טאָג פערשפריי־טעט, ווייל ניט נאָר שטעלען זיי צו א ווירקליך ווייסע און זעהר אנגענעהמע ליכט, זאָנדערן זיי עקאָנאָמיזירען אויך דעם געברויך פון גאז.

דורך דיזע מערקווירדיגע ערפינדונג, וועל־כע האָט אויך א הויכע וויסענשאפטליכע בע־דייטונג, איז דער אָרימער כעמיקער שנעל אומ־געוואנדעלט געוואָרן אין א פיעלפאכען מיליאָ־נער, ווייל זיין קאָמפּאניע האָט זיך פערזאָרגט מיט פאטענטען אין אלע לענדער. נאָר ניט דאָס זיינען מיר דאָ אויסען. מיר וואָלטען וועגען דיזע שוין אלטע ערפינדונג גאָר ניט גערעדט, ווען א לעזער פון „צוקונפט“ וואָלט אונז ניט גע־בעטען צו ערקלערן דעם „סוד“ פון דיזע מאנט־לען. יעצט איז עס שוין גאָר קיין סוד ניט, און נייע פאבריקען צו פּראָדוצירען וועלסבאך־מאנטלען ווערן געעפענט יעדען יאָהר. מען האָט אייגענטליך גלייך פון אָנפאנג געוואוסט, וועל־כע מאטעריאלען מען בענוצט ביי זייער פּראָ־דוקציאָן, ווייל דאָס האָט מען געמוזט ערקלערן אין דעם פאטענט ; אָבער דיא ריכטיגע פּראָ־פּאָרציאָן פון דיא מאטעריאלען איז אין דעם פאטענט ניט ערקלערט געוואָרן, און דאָס איז דיא ערשטע יאָהרען פערבליבען א סוד פאר דיא יעניגע, וועלכע האָבען געוואָלט נאָכמאכען, אום אויך צו מאכען געלט פון דער נייער ערפינ־דונג.

א וועלסבאך־מאנטעל בעשטעהט איי־גענטליך פון אן איבערגעברענטע שטיקעל גע־וועבס פון בוימוואָל, וואָס איז פריהער איינגע־טונקט געוואָרן אין א לייזונג פון זאלצען פון מעטאלען, וועלכע טראָגען אין דער כעמיע דעם נאָמען „זעלטענע מעטאלען“, ווייל מען געפינט זיי זעהר ווייניג אויף אונזער ערד. דיזע 2 מעטא־לען זיינען טהאָריום און סעריום, נאָר מען קען אויך געברויכען אנדערע, צום ביישפיעל, איטריום, וועלכע האָבען דיא זעלבע מעלה. אוער פאָן וועלסבאך איז געקומען צו זיין גליק־ליכער ערפינדונג, ווען ער האָט געמאכט פּראָ־בעס מיט זאלצען פון טהאָריום. מען געברויכט געמליך דיא ניטראטען פון דיא זעלטענע מע־טאלען פיר דיא שיינענדע מאנטלען (ניטראט הייסט א בעהעפטונג פון א מעטאל מיט א זויערע, וועלכע הייסט אויף ענגליש : „נייטריק עסיד“ און אויף רוסיש: „אזאָטנאיא קיסלאָטא“. צום ביישפיעל, סאלפעטער איז א ניטראט פון מעטאל קאליום און לאפּיס איז א ניטראט פון מעטאל זילבער). דיא אורזאכע דערפון איז, וואָס ווען מען דערהיצט אזעלכע זאלצען, בליי־בען נאָר דיא אָקסידען פון דיא מעטאלען

(אָקסיד הייסט אין דער כעמיע א בעהעפטונג פון א מעטאַל מיט דעם יסוד זויערשטאָף).

אָט דיא אָקסידען פון טהאָריום און סעריום פערבלייבען פערבונדען אין דיא איבערגעבליבענע מאַנטלען, און זיי האָבען עס — א מעלה צו געבען דעם געוועהנליכען ברען־גאַז אין פערבינדונג מיט לופט (דאָס הייסט דעם בלויען ברען־גאַז) ווייסען שיין. ווארום דאָס איז אזוי, איז א פראַגע, וועלכע ווערט בעשפּראָכען אין געלעהרטע ביכער און מיט וועלכער מיר קענען זיך דאָ ניט אָפּגעבען. מיר וועלען נאָר בעמערקען, אז דיא מעלה פון געוויסע מעטאַלען צו שיינען, דיא זאָגענאַנטע אינקאַדעסענס, האָט א העכסט וויכטיגע בעדייטונג אין דער נאַטורוויסענשאַפט.

מיר וועלען זיך דאָ נאָר רעכענען מיט פאַקטען. אלזאָ, דיא אָקסידען פון טהאָריום, סעריום און געוויסע אנדערע מעטאַלען לאָזען ארויס א ווייסען שיין, ווען זיי ווערן דערהיצט פון בלויען ברען־גאַז. אלעס וואָס עס בלייבט צו טאָן, איז נאָר מעכאַנישע ארבייט צו לאָזען דיזע אָקסידען שיינען צו אונזער בעקוועמליכקייט. דאָס ווערט אַם בעסטען אויסגעפיהרט דורך דיא וועלסבאַך־מאַנטלען. זייער פּראָדוקציאָן געהט צו אין קורצען אזוי: צוערשט פלעכט מען אויס אויף געוויסע מאַשינען, לאָמיר זאָגען, זעקעלעך פון בוימוואָל נאָך א געוויסע מאָס. נאָכהער וואַשט מען זיי, אז עס זאָלען ניט בלייבען קיינע אונריינינקייטען, און מען טריקענט זיי אויס. דאַן טונקט מען זיי איין אין א לייזונג פון טהאָריום־ניטראַט מיט איין פּראָצענט סערום־ניטראַט. נאָך דיזער אָפּעראַציאָן בינט מען זיי ארום פון אויבען מיט א שנירעל פון אַסבעסטאָ און מען ברענט זיי ביז עס בלייבט נאָר דאָס, וואָס מיר זעהען אין א וועלסבאַך־מאַנטעל. אז דאָס איבערגעבליבענע פון דער גאַנצער פלעכטונג איז נאָר א ביסעלע אש, אין דעם קענט איהר זיך איבערצייגען, ווען איהר זאָלט זיך נאָר צוריהרען מיט דער האַנד צו אזא מאַנטעל.

אין אזא צושטאַנד קען מען איהם קוים ריהרען פון אָרט, ער ווערט צופאַלען ביי א טרייסעל. אום איהם צו קענען טראַנספּאָרטירען, האָט מען געמוזט אויסגעפינען אזא מאַטעריאַל, וואָס זאָל צוזאַמען האַלטען דיא אש און זאָל פערשווינדען גלייך ביי'ן אָנצינדען. דער בעסטער פון דיזע מאַטעריאַלען איז קאָלאָדיאָן. מען טונקט איין דיא איבערגעבליבענע מאַנטלען אין קאָלאָדיאָן און זיי ווערן דאַן גענוג פערהאַרטעוועט, אז מען זאָל זיי קענען איינפּאַקען און שיקען וואוהין מען וויל.

ווען מען צינדעט אָן אזא פערהאַרטעוועטען מאַנטעל, ווערט דער מאַטעריאַל, וואָס איז וויא א הייטעל ארום דיא אש, פערברענט, און עס בלייבט נאָר דיא אש, וואָס בעשטעהט פון דיא אָקסידען פון דיא זעלטענע מעטאַלען.

עס פערשטעהט זיך, אז דאָס טהוט זיך ניט אזוי לייכט, וויא עס רעדט זיך, און אז עס פאָדערט זיך געניטקייט אויסצובערענען א וועלסבאַך־מאַנטעל וויא געהעריג.

דעם מעטאַל טהאָריום בעקומט מען פון א געוויסען סאָרט זאַמד וואָס הייסט מאָנאַזיט און וואָס ענטהאַלט אויך אנדערע זעלטענע מעטאַלען. דיזער זאַמד געפינט זיך מייסטענס אין בראַזיליען און אין סאַוטה־קאַרליינע. טהאָריום האָט פריהער געקאָסט זעהר טהייער, און אויך יעצט, ווען מען האָט אויסגעפונען בעסערע מיטעל איהם צו בעקומען, קאָסט א פונט פון דיזען מעטאַל פון 6 ביז 7 דאָלאַר. פון איין פונט טהאָריום־ניטראַט בעקומט מען ביז 350 וועלסבאַך־מאַנטלען.

---

## קינסטליכע בריהונג פון לאָבסטער'ס.

זעהר אינטערעסאַנטע און וויכטיגע פּראָבעס צו פערמעהרען דורך קינסטליכע בריהונג לאָבסטער־ראַקעס, וועלכע פערשווינדען אלץ מעהר, זיינען געמאַכט געוואָרן אין רהאָד־איילענד אונטער דער אויפזיכט פון בעאַמטע פון דער יונייטעד סטייטס פיש־קאָמיסיאָן. די פּראָ־



דיא ערשטע שטופע פון לאָבסטער.

בעס האָבען געדויערט עטליכע יאָהר ביז מען האָט ענדליך אויסגעפונען א מיטעל, ווי אויסצובריהען דיזע ראַקעס. דיא שוועריגקייט בעשטעהט ניט נאָר אין דעם, וואָס א גרויסער טהייל פון דיא ניי־געבאָרענע לאָבסטערס קומען אום אין מאַסען פון פערשיעדענע נאַטירליכע אורזאַכען, זאָנדערן אויך דורך דעם, וואָס זיי פרעסען אויף איינער דעם אנדערן. דיא ניי־געבאָרענע לאָבסטערס מאַכען דורך פיער שטופען איידער זיי זיינען אין שטאַנד צו בעשיצען זיך פיעל־ווינציג געגען זייערע צאָהלרייכע שונאים אין ים. דיא ענדערונגען אין זייער קערפּער און פאָרמע זיינען אזוי פערשיעדען, אז ווען מען זעהט א לאָבסטער וואָס קומט ארויס פון דער אייעלע, קען מען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען,

אז דערפון וועט אויסוואקסען א לאָבסטער. מיר וועלען דאָ ברייגנען צוויי צייכנונגען צו צייגען דעם אונטערשיעד.

אין זיין פיערטער טראנספּאָרמאציאָן



די פערטע שטופע פון א לאבסטער.

(אומענדערונג) איז דער יונגער לאָבסטער פערטיג צו לאָזען איהם אויף גאָט'ס בעראָטה זיך מאכען א לעבען אין ים. אין זייערע ערשטע טראנספּאָרמאציאָנען זיינען די לאָבסטערס מערקווירדיג הילפלאָז, און דארום דערלעבען אזוי ווייניג פון זיי צו אזא עלטער, אז זיי זאָלען טויגען פאר דעם מענשליכען מאָגען. זיי פרעסען איינע דיא אנדערע, ווען זיי געלינגט ניט אויפגעפרעסען צו ווערן פון פערשיעדענע סאָרטען פישען. דיא נאטור האָט דערפאר פערזאָרגט דיא לאָבסטער־נקבות מיט א מאסע אייעלעך, מאנכע טראָגען ביז 90 טויזענד אייעלעך.

ביי קינסטליכע בריהונג איז דיא שווערסטע זאך געווען צו פערהיטען, אז דיא יונגע לאָבסטערס זאָלען ניט אויפרעסען איינע דיא אנדערע. דער בעסטער מיטעל איז פאָרלויפיג צו בעוועגען דאָס וואסער וואו זיי ווערן געהאלטען דורך א געוויסען מעכאניזמוס און צו לאָזען שווימען א סך שפּייז (דיא בעסטע שפּייז זיינען דיא ווייכע טהיילען פון קלעמס, צוהאקט אויף פּיצלעך). וואו זיי גיבען זיך א ריהר, טרעפען זיי אויף דיזער ארט גענוג שפּייז און אטאקירען דארום ניט איינע דיא אנדערע. אויף דיזער וועיזע איז עס געלונגען צו ענטוויקלען 50 פּראָצענט פון דיא ניי־געבאָרענע לאָבסטערס ביז זייער פערטער טראנספּאָרמאציאָן, וואָס עס איז ניט דער ערך מעהר, וויא ביי דער נאטירליכער בריהונג אפילו אונטער דיא גינסטיגסטע אומשטענדען.

דיא לאָבסטער־אינדוסטריע, וועלכע וואָלט אין א קורצער צייט אונטערגעגאנגען, וועט יעצט אויפלעבען דורך דיא קינסטליכע בריהונג.



„דער קלוגער האנז".

דאָס איז ניט דער דייטש, נאָר דער פערד, וואָס האָט פערדיענט דעם נאָמען „קלוגער האנז". דיזער פערד איז ווירקליך א וואונדער, און מיט זיין חכמה האָט ער זיך בעריהמט געמאכט ניט נאָר אין בערלין, וואו ער צייגט יעצט זיינע קונצען, זאָנדערן אין דער גאנצער וועלט. פיעלע געלעהרטע זיינען געקומען איהם בעזוכען און נאָכפאָרשען, אויב זיין בעל־הבית, א געוויסער פאָן־אָסטען, וועלכער האָט זיך אָבגעגעבען צו ערציהען פערד און צו צייגען, אז זיי בעזיצען אפילו מאטעמאטישע פעהיגקייטען— נארט ניט דורך א געוויסען קונץ דאָס פּובליקום. דיזער פאָן־אָסטען איז געווען א לעהרער פון מאטעמאטיק, און ער מאכט יעצט זיינע פּראָבעס מיט פערד, קען מען זאָגען, לשם וויסענ־

שאפט, דען ער שטעלט ניט אויס זיין „קלוגען האנז“ אין צירקען אדער מוזעאומען פאר געלט.

דער „קלוגער האנז“ קען אריפמעטיקע. ווען מען פרעגט איהם, צום ביישפיעל, וויא פיעל איז 15 און 13, קלאפט ער אפ מיט זיין קאפיטע 28 מאל. עס מאכט ניט אויס, ווער עס שטעלט איהם אריפמעטישע פראגען, אבי נאר מען גיט איהם עטליכע מעהרען, וועלכע זיינען פאר איהם דער גרעסטער דעליקאטעס. זאנסט פוילט ער זיך צו עפענען—זיינע קאפיטעס, מיט וועלכע ער צייגט ארויס זיין תורה. ער קען אויך זאגען, וויא פיעל דער זייגער איז, קוקענדיג אויף דיא ווייזערס, אויסקלייבען קארטען, אנווייזען אויף קאלירטע זאכען א. ז. וו. וויא פיעל מען האט ניט געמישט קארטען און געפארבטע שטיקלעך טוך, האט דער „קלוגער האנז“ אויסגעקליבען, דורך א בעשטימטע צאהל קלעפ מיט זיין קאפיטע, דיא ריכטיגע זאכען.

דר. העינראטה פון בערלינער זאאלאגישען גארטען האט געשטעלט פראגען דעם „קלוגען האנז“, ווען פאן־אסטען איז דערביי ניט געווען, און האט בעקומען ריכטיגע אנטווארטען, וואס עס בעווייזט, אז דער פערד פערדיענט טאקע זיין נאמען

---

דער געברויך פון מילך־שטיין.

מיר האבען שוין אין א פאריגען נומער „צוקונפט“ מיטגעטהיילט, וויא מען מאכט פון מילך א הארטען מאטעריאל, וואס טראגט דעם נאמען גאלאליטה אדער מילך־שטיין. מען פאבריצירט איהם יעצט אלץ מעהר אין דייטשלאנד, וייל מען האט אויסגעפונען, אז ער איז זעהר גוט אין דער מעבעל־אינדוסטריע. מען מאכט פון גאלאליטה דיא זעלבע זאכען וויא פון סעלולאיד. ער לאזט זיך זעהר גוט פארבען אין פערשיעדענע קאלירען, און דארום בענוצט מען זיך מיט איהם ספעציעל פיר שפיגעל־ראמען און פיר לאמפ־טישלעך. מען פאבריצירט אויך רעהרען פון גאלאליטה. ער איז אזוי הארט וויא הארן, אבער אביסעל ברעכיגער.

פ. קראנין.

# דער אלטער מנשה

אוי וויא דערלעב איך שוין דיא מינוט, ווען דערלעב איך שוין דיא צייט!“

אין הויז איז געווען פינסטער. דיא געז האט ניט געברענט „פאר קיהלקייט וועגען“, וייל דער אבענד איז געווען א שרעקליך הייסער, און דיא אלטעטשקע, פארענדיג זיך אין קיך, האט זיך דערשראקען פאר דער ציטעריגער שטימע, בעגלייטעט מיט א לאנגען זיפץ, וואס האט זיך געהערט פון צווייטען צימער. ניט איינמאל האט זיא שוין געהערט פון איהר מאן: „אוי ווען דערלעב איך שוין דיא מינוט!“ דיא בעדייטונג פון דיעזען אויסגעשריי איז א שטיק צייט געווען דונקעל פאר איהר; אבער דיא אומשטענדען, אונטער וועלכע ער האט עס יעצט איבערגעחזר'ט, האבען בעשיינט דאס אונפערשטענדליכע.

מנשה דער ביגלער, אדער „דער קמצן“, וויא דיא שכנים האבען איהם גערופען, איז געזעסען אין פראנט־רום ביי'ם פענסטער און האט ארויסגעקוקט אין דער שווארצער נאכט אריין. אין דער דונקעלהייט האט זיין גרויסע פיגור מיט ברייטע פלייצעס אויסגעוויזען נאך גרעסער, נאך ברייטער. חאטש דיא לאנגע האר, דיא געדיכטע בארד זיינען שוין געווען ווייס־גרוי, דאך איז ער געזעסען מיט אויפגעהויבענע שולטערן שלאנק און שטאלץ.

ער איז ניט לאנג געקומען פון דער ארבייט און האט זיך פאמעלעך ארויפגעשלעפט איבער דיא טרעפ פון טענעמענט־הויז צו זיין וואהנונג. ער האט אפילו ניט געוואלט הערען פון עפעס עסען/און האט זיך שווער אוועקגעזעצט אויף א שטוהל ביי'ם פענסטער. דיא נאכט איז געווען כמארנע און דושנע; א בליץ האט אפט דורכגעשניטען דעם הימעל. עס האט געצייגט אויף א רעגען. דאס ראמבלען פון א ווייטען דונער, אויסגעמישט מיט'ן שטענדיגען מורמלען פון דער רוישיגער גאס, האט זיך אריינגעטראגען דורך'ן פענסטער, און פון'ם דאך האט זיך אפט געהערט א מיש־מאש פון קוויטשעריי און געלעכטער.

דער אלטער מנשה האט ליעב געהאט אזא

נאכט. ער האָט זיך געפיהלט אין א נאָהענטע פערבינדונג מיט'ן דונער, מיט'ן בליץ. די דונקעלהייט האָט איהם גערופען צו זיך. ענג איז איהם געוואָרען אין צימער, אָבער אויפ'ן דאך איז ער קיינמאָל ניט געגאנגען. ער האָט פיינט געהאט דעם רעש מיט'ן טומעל. כמעט אלע זיינע יאָהרען האָט ער פערבראכט אין א פערוואָרפענעם דאָרף אין מאלאָראָסיע. די בעקאנטע האָבען איהם אימער גערופען „דער דאָרפסמאן“. שטיל און בעשיידען האָט ער אָבגעלעבט מעהר וויא א העלפט פון זיינע יאָהרען, און דאָס שטיקעל צייט פון אמעריקאנער לעבען איז נאָך ניט געווען גענוג איהם צו־צופּאסען צו דעם טומעל און ליארעם פון דער גרויסער שטאָדט.

ער איז זיך אלץ געזעסען שטיל און האָט ארויסגעקוקט אין דער שווארצער נאכט אריין. פּלוצלינג האָט די אלטעטשקע אין קיטשען בעמערקט, וויא ער האָט זיך האלב אויפגעשטעלט, האָט זיך שנעל צוריקגעזעצט און ארויסגעהאנגען דעם קאָפּ ווייט דורך'ן פענסטער. פון דאך האָט זיך געהערט א זיסע מענער־שטימע — אימיצער האָט געזונגען א מאלאָראָסישע ליעד. א מאָדנע, אומעדיגע זיסקייט, אזוי וויא דאָס ביינקען פון א פערשיקטען נאָך דער היים, נאָך ווייב און קינד וואָס ער וועט שוין קיין מאָל ניט זעהן, האָט זיך געהערט אין דעם מאָטיוו פון דער ליעד. דער טומעל אויפ'ן דאך איז מיט א מאָל געוואָרען שטיל: אלע האָבען זיך איינגעהערט. די גאס אליין האָט וויא אָנגעהאלטען דעם אָטהעם, און דער אלטער מנשה איז געזעסען מיט'ן מויל אָפען, איין האנד האָט ער געהאלטען אויפ'ן הארצען, בעוועגלאָז, אזוי וויא טויט. נאָר די ברוסט האָט זיך האסטיג געהויבען ארויף און אראָפּ. שעהנע, ליעבע בילדער, זיסע, זעליגע טרוימען האָבען איהם בערוישט, פערכשופ'ט: א שטילע הייסע נאכט; מיליאָנען שטערען שימערען אין דעם בלויען הימעל; וויא גייסטער שטעהען די הויכע טאָפּאָליעס ביי'ם טייך איינגעהילט אין בלויקייט, און א שטילער ווינטעלע קומט פּלוצלינג און רוישט אזוי זאכט, אזוי געהיימניספאָל דורך די בלעטער; פון טייך הערט מען אָהן אויפהער דאָס רעגעלמעסיגע קוואקען פון די זשאבעס, וואָס שלעפערט און פערשכור'ט, און ווייט איבער'ן פעלד טראָגט זיך א ליעד פון די „שקאָצים“ וואָס טרייבען די פערד „נאניטש“ צום פאסען...

זיסע חלומות האָבען אָנגעפילט דעם אלטען'ס מוח אין דער צייט, וואָס דאָס זינגען האָט זיך געהערט פון דאך. דאָס ביינקען אהיים, וואָס האָט איהם קיינמאָל ניט אָבגעלאָזט אויף א מינוט, האָט איהם יעצט ארומגענומען און גענאָגט וויא א פּיאווקע, און פון זיין ברוסט האָט זיך ארויסגעריסען א קרעכץ: „אוי, ווען דערלעב איך שוין די מינוט, ווען דערלעב איך שוין די צייט!“

און זיין אלטעטשקע פרוי אין קיך האָט איהם יעצט פערשטאנען מעהר וויא אלע מאָל. עס איז איהר געוואָרען קלאָהר זיין קארגקייט, איבערהויפּט זינט ער האָט געקראָגען דעם בריעף פון רוסלאנד, אז ער וועט אפשר ווידער מעגען האלטען א מיהל — ער האָט געקליעבען געלד אויף צו פאָהרען אהיים.

„טאָמער וואָלט מען שוין אָנגעצונדען די געז“, האָט די אלטע א זאָג געטהאָן וויא פאר זיך, „מען וועט דארפען באלד געהן עסען, די קינדער וועלען שוין באלד קומען“.

„מע קען ברענען א לעמפעל“, איז געקומען דער ענטפער פון פראָנט־רום. „איך האָב ניט א פעני, איך האָב ניט פון וואנען“.

פון דעסטוועגען האָט ער באלד אָנגעצונדען די געז, נאָר מאכענדיג דעם פלאם גאנץ קליין, ווייל אויף די טרעפּ האָבען זיך געהערט טריט, און „די קינדער“ זיינען אריינגעקומען. דאָס זיינען געווען דעם אלטען מנשה'ס א זוהן מיט אן אייניקעל. מעהר וויא דעם איינעם זוהן, א קראנקען אלמן פון א יאָהר דרייסיג, האָט דער אלטער ניט געהאט. דער זוהן האָט געהאט א קינד, א אינגעל פון א יאָהר צוועלף וואָס איז געגאנגען אין סקוהל א האלבען טאָג און האָט נאכהער ארויסגעהאָלפען דעם פאָטער מאכען סיגארעטען אין א פאבריק.

אלע צוזאמען האָבען געוואָהנט אין דריי פינסטערע צימערן כמעט אָהן מעבעל. די אלטע פרוי האָט ניט איינמאָל זיך בעקלאָגט אויף דעם, אָבער מנשה'ס ענטפער איז אימער געווען: „איך האָב ניט א פעני, איך האָב ניט פון וואנען“. און א מאָל פלעגט ער אויך צוזעצען: „אוי, ווען דערלעב איך שוין די צייט!“ זיא האָט געוואוסט אז דאָס פאָהרען אהיים איז געוואָרען ביי איהם א מין קראנקהייט, אז ער קלייבט געלד פאר זיי אלעמען אויף טיקעטס, און פערגינט זיך ניט קיין עסען, קיין טרינקען. וואָס מעהר ער האָט געהאלטען דעם סוד איז ער געוואָרען אלץ בייזער און קארגער. מיט טרערען אין די אויגען האָט זיא איהם אָפט געבעטען ער זאָל איהר געבען געלד צו קויפען פאר איהם עטוואָס צום אָנטהאָן. „אונזער קינד איז א קראנקער, ער פערדיענט קוים צום לעבען, ביי איהם קען איך ניט בעטען“ האָט זיא געטענה'ט. „זעה וויא דו געהסט אָנגעטהאָן, די שטוב איז וויסט און ווינט“.

„איך האָב ניט א פעני, איך האָב ניט פון וואנען“, איז געווען זיין איינציגע אנטוואָרט.

ביי נאכט האָט זיא געזעהן, וויא ער איז אויפגעשטאנען, האָט ארויסגענומען פון בוזים־קעשענע א פעקיל געלד; געקוקט אויף דעם

לאנג, עס איבערגעצעהלט און צוריק אוועקגעלייגט. אָבער זיא האָט מורא געהאט איהם צו זאָגען א וואָרט וועגען דעם. זיא האָט איהם גוט געקענט, אז ער האָט ליעב צו האלטען א זאך בסוד. עס האָט איהם ניט געארט, אז זיא האָט געוואוסט, נאָר ניט דערמאָנען, ניט ריידען פון דעם.

און זיא האָט געשוויגען.

איין טאָג איז דער אייניקעל געקומען איהם רופען פון שאפ. דעם זוהן איז ניט גוט געוואָרען ביי דער ארבייט, און מען האָט איהם געבראכט אהיים.

„לויפט שנעל נאָך א דאָקטאָר, מען קען איהם ניט דערמינטערן“, האָט דעם אלטען מנשה בעגעגענט א שכן אויף דיא טרעפ פון זיין הויז. „א־יי־ך האָב ניט א־א־פעני, כ'האָב ניט פון וואנען“, האָט זיך דערהערט וויא פון א קבר ארויס. אין הויז איז געוועזן פול מיט מענשען, פון ווייטען האָט זיך געהערט דאָס קלאָגען פון דער אלטער מאמע. מנשה איז געבליעבען שטעהן א מינוט. איין האנד וואָס ער האָט געהאלטען אויף'ן פארענטשע האָט געציטערט וויא פון פיבער. „מען דארף זעהן, ערגעץ לייהען“, האָבען דיא שכנים געהערט וויא ער האָט ארויסגעשטאמעלט. ער האָט אָנגערוקט זיין היטעל און איז אראָפ דיא טרעפ. אין א צעהן מינוט ארום איז ער געקומען מיט א דאָקטאָר.

דער זוהן איז געלעגען אזוי וויא טויט. דיא אויגען פערגלאָצט, דער פנים געל. דער דאָקטאָר האָט געארבייט שווער ביז ער האָט איהם דערמינטערט. ער האָט פערשריעבען א מעדיצין.

א צוטומעלטער, שווארץ וויא דיא ערד, איז געשטאנען דער אלטער מנשה און האָט אלעס בעטראכט.

דער אייניקעל האָט גענומען דעם דאָקטאָר'ס רעצעפט צו געהן אין אפטייק. ער האָט זיך אָבער אומגעקעהרט צוריק, זיך דערמאָנענדיג, אז ער האָט ניט קיין געלד.

„זיידע“, האָט ער אָנגעפאנגען, אָבער דער אלטער האָט איהם ניט געלאָזט ענדיגען. „איכ'ל אליין געהן“, האָט ער זיך א כאפ געטהאָן וויא פון שלאָף. „כ'וועל מוזען לייהען, אפשר באָרגען“, האָבען דיא רעדעל מענשען אין קאָרידאָר איהם געהערט שעפטשען, ווען ער איז פערבייגעגאנגען.

דריי טעג איז דער קראנקער געלעגען און געוואָרען וואָס א מאָל שוואכער. מען האָט בעדארפט אלע מאָל דעם דאָקטאָר, רפואות. נאָך אלעס איז דער אלטער מנשה אליין געגאנגען. ער האָט גערעדט צו זיך וואָס א מאָל מעהר, שטילער. גאנצע נעכט האָט ער געשפרייזט הין און צוריק איבער'ן צימער און געשעפטשעט צו זיך.

אויף'ן פיערטען טאָג האָט דער קראנקער געפיהלט גאָר שלעכט, און שפעט ביי נאכט זיינען דיא שכנים אויפגעוועקט געוואָרן פון א יאָמער, וואָס האָט זיך פון מנשה'ס וואָהנונג געהערט. זיי האָבען פערשטאנען, אז דער קראנקער לעבט שוין ניט מעהר.

דיא קבורה־קאָסטען זיינען געוועזן אויף'ן אלטען'ס חשבון. קיין וואָרט, קיין פראָטעסט איז פון זיין מויל ארויס. מעהר ניט, וויא דיא ליפען האָבען זיך געשאָקעלט מעכאניש, מורמלענדיג פערשיעדענעס וואָס קיינער האָט ניט געקענט פערשטעהן, און זיין אויסזעהן האָט געהאט אין זיך עפעס וואָס האָט געשראָקען און געמאכט אָבקעהרען דעם קאָפ פון איהם.

פון דאן אָן איז ער געוואָרען נאָך קארגער, האָט זיך ניט פערגונען דעם לעבען. ער האָט געארבייט שפעט, פלעגט קומען כמעט האלבע נאכט אהיים, און אין א צייט ארום פלעגט דיא פרוי איהם ווידער זעהן אויפשטעהן ביי נאכט און צעהלען דאָס געלד. אָבער דער פעקעל איז געוואקסען לאנגזאם—ער האָט שוין ניט געהאט אזוי פיעל כוח צו ארבייטען.

א פאָר יאָהר זיינען אזוי אוועק, און דער אלטער האָט אלץ געשפאָרט און געזאמעלט א גראָשען נאָך א גראָשען. ער האָט דיא האָפנונג ניט אויפגעגעבען, און דער וואונש צו פאָהרען אהיים איז געוואָרען ביי איהם א שטארקע ליידענשאפט.

א לאנגע צייט האָט איהם גענומען דאָס קלייבען. טיעפע קנייטשען האָבען זיך געלייגט אויף זיין פנים, און זיין שלאנקע געשטאלט האָט זיך איינגעבויגען. נאָך א פאָר וואָכען האָט ער בעדארפט. ער האָט שוין געטראכט וועגען קויפען טיקעטס. זיין בייזקייט האָט איהם ביסלעכווייז פערלאָזען. יעצט פלעגט ער שוין אָפט רעדען מיט דער פרוי איבער פערשיעדענע פלענער, איבערהויפט ווען זיא פלעגט איהם שטארק דערעסען וועגען זיין קארגקייט.

„זעה וואָס עס ווערט פון אונז אלע, וואָס האָסטו צום קינד?“ פלעגט זיא רעדען מיט איהם, אָנווייזענדיג אויף'ן אייניקעל. „זייט ער האָט געענדיגט דיא סקול ארבייט ער, גיט דיר אוועק, און וואָס וועט זיין דער סוף?“

„דער סוף וועט זיין“—און דער אלטער האָט געגעבען א טיעפען זיפץ—„ער וועט ווערען א מענש ווען ער וועט זיין מיט אונז אין רוסלאנד צוריק. ער וועט ווערען א מענש“.

מאָדנע גדאנקען וועגען דעם אייניקעל האָבען דיא לעצטע צייט געמוטשעט דעם אלטען מנשה. ער האָט אָנפאנגס גאָר ניט געטראכט וועגען דעם. דער אייניקעל איז געוואקסען א פיין קינד, האָט זיך אָבגעגעבען צום לערנען, ווען ער האָט נאָר צייט געהאט.

אז דער אינגעל וויל געהן אין קאלעדזש,

דאָס האָט דער אַלטער דערשמעקט. ער האָט געהערט וויא יענער האָט גערעדט מיט דער באָבען וועגען דעם, און ער האָט דערפיהלט וויא אין הארצען האָט זיך איהם עפּעס אָבגעריסען. ער האָט זיך קיין ריכטיגע רעכנונג ניט געגעבען פאַר וואָס. נאָר א מאָדנער שרעק האָט איהם ארומגענומען. ער איז ניט געשלאָפען גאַנצע נעכט— ער האָט געטראכט. זיין אַלטער, אָרעמער קאָפּ האָט געטראכט אָהן אויפהער. ער האָט מורא געהאט עס מודה צו זיין פאַר זיך, עס האָט זיך איהם גערדאכט וויא זיינע פּלענער ווערען צופאַלען, וויא זיינע האָפנונגען ווערען פערשוואונדען.

דיא פרוי איז איהם דיא לעצטע צייט געוואָרען מעהר געטריי וויא אימער. מיט דיא אַלטע אויגען האָט זיא געצירעוועט און געניהט פאַר איהם, האָט איהם געקאָכט און געבאַקען וואָס ער האָט ליעב. איין טאָג האָט זיא איהם געזאָגט גאַנץ אָבען, אז עס וואָלט געווען גלייכער ער זאָל בעסער זעהן מיט'ן געלד מאכען דאָס קינד פאַר א לייט. ער האָט פערשטאַנען אז דאָס מיינט, אז דער אייניקעל זאָל געהן אין קאָלעדזש, און ער האָט א ציטער געטהאָן. „נישקשה, ער וועט אין דער היים אויך קענען לערנען", האָט ער אויסגעשטאַמעלט.

„מען לאָזט דאָרט קיין אידען ניט", האָט ער געקראָגען דעם ערוואַרטעטען ענטפער.

אויף דער נאכט איז דער אייניקעל געקומען מיט א שמחה: „זיידע, איך האָב אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען".

„דאַרפסט עס נויטהיג, דאַרפסט עס אוודאי האָבען, דוראַק", האָט מנשה אָנגעפאַנגען, אָבער דיא אַלטעטשקע האָט איהם ניט געלאָזט ענדיגען. „מוטשע ניט דאָס קינד", האָט זיא איהם געשעפּטשעט אין אויער. „זעה, וויא קראַנק ער זעהט אויס. דו פאַרגעסט גאָר פון וואָס אונזער זוהן איז געשטאָרבען?" און זיא האָט אָנגעפאַנגען וויינען.

ביינאַכט איז דער אַלטער מנשה אויפגעשטאַנען, עס האָט איהם ניט געלאָזט איינליגען. דאָס וואָס דיא פרוי האָט איהם אָנגעצייגט, אז דער אינגעל זעהט אויס שלעכט, האָט ער ערשט יעצט בענומען. פריהער האָט ער עס גאָר ניט בעמערקט. ווען דער זוהן איז געשטאָרבען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אז עס איז געווען פון א פערלאָזענע שווינדזוכט.

מנשה איז אראָפּ פון בעט. אויף דיא שפּיץ פינגער איז ער צוגעגאַנגען צום פּלאַץ וואו דער אינגעל איז געשלאָפען. ער האָט זיך איינגעקוקט וואָס פאַר א קינדערש פּנים ער האָט, גאָר ניט נאָך דיא יאָהרען נאָך. א שוויים האָט זיך געזעהען אויף דעם אינגעל'ס געזיכט. דער אַלטער מנשה האָט איהם ארויפגעלייגט דיא האַנד אויף'ן שטערען און האָט דערפיהלט א פייכטקייט. דער אינגעל האָט געעפענט דיא אויגען, האָט דערזעהען דעם אַלטען, און האָט זיך אומגעקעהרט מיט'ן פּנים צום וואַנד.

„קינד וואָס דו ביסט, דרעהסט זיך אוועק פון'ם זיידען, מיינסט ער איז דיר א שונא, הא?..." דעם שטאַרקען מאַן'ס שטימע האָט געציטערט און האָט געקלונגען אין דער נאכט וויא דער קול פון א קליין קינד. דער אייניקעל האָט ניט געענטפערט. נאָר דער אַלטער האָט בעמערקט וויא זיינע שמאָלע אַקסלען הייבען זיך ארויף און אראָב. א מינוט איז געווען שטיל, דאן האָט זיך ווידער דערהערט דעם אַלטען'ס ציטעריגער, קינדערשער קול: „וואָס וויינסטו... דו דוראַק וואָס דו ביסט... וועסט געהן אין קאָלעדזש... איכ'ל דיר מאָרגען געבען דיא געלד וואָס איך האָב... דו דרעהסט זיך אוועק, מיינסט דער זיידע איז דיר א שונא, הא?..."

ב. ראָזענבלאַט.

# דיא געליעבטע

עס שוועבט דיא לבנה, מיין הארץ שוועבט נאָך איהר<br>
אין הימעלס פערקלערטער לאזורע.<br>
מיר דאכט, ס'שוועבט דאָרט דיין צורה,<br>
געליעבטער, מיר דאכט, אז איך שוועב נאָך דיר.

---

א הייליגע פרומקייט לעבט אויף אין מיר באלד,<br>
נשמה'דיג שטאַרק מיט כונה<br>
מחדש בין איך דיא לבנה,<br>
דיא נאכטיגאל זאָגט קדיש—„אמן" זאָגט דער וואלד.

מ' ר'

# דיא גרויסע וועלט-דראמא

## האמלעט דער גריבלער

„וואָס פיר איין מייסטערווערק דער מענש איז! וויא עדעל ער איז דורך זיין חכמה! וויא אונבעגרענעצט אין פעהיגקייטען! וויא וואונדערווירדיג און בעדייטענד אין זיין געשטאלט און בעוועגונג! אין זיין לעבענסהאנדעל איז ער גלייך צו איין ענגעל, און זיין בעגריפען איז ער עהנליך צו א גאט! ער איז דיא ציהרונג פון דער וועלט, דאס פּאַר־בילד פון אלעס, וואס עס לעבט! און דאָך, וואס איז מיר דיזע קווינטעססענץ פון שטויב?"

האמלעט.

ווען דאס גרויסע מייסטערווערק פון וויליאם שעקספיר, דיא וועלט דראמא „האמלעט", איז געוואָרען פּאָפּולער אין דער ציוויליזירטער וועלט, האט מען אָנגעהויבען צו געברויכען דאס וואָרט „האמלעט" אלס א בעצייכנונג פון געוויסע אייגענשאפטען ביי גאנצע פעלקער און נאציאָנען. האמלעט, האָבען איניגע געזאָגט, דאס איז גערמאניא. האמלעט — דאס איז דאס פערטראכטע, גריבלענדע, דייטשע פאָלק. שפּעטער האָט מען מיט'ן וואָרט האמלעט בעצייכענט דאס רוסישע פאָלק און אלע אנדערע סלאווישע פעלקער מיט זייער וואנקענדען גייסט, שוואכען כאראקטער און שוואכען ווילען. נאָך שפּעטער האָט מען אָנגעפאנגען מיט'ן וואָרט האמלעט בעצייכנען אלע סקאנדינאווישע פעלקער. שעקספיר'ס בלאסער פּרינץ פון דענעמארק איז געוואָרען דער פּראָטאָטיפּ פון אלע גערמאנישע פעלקער, וועלכע לעבען ווייט אין דער נאָרד, ארומגערינגעלט פון געהיימניספאלע מיסטעריען פון דער קאלטער נאטור, מיט איהרע פיאָרדען, הויכע פעלזען, בערג, בעדעקט מיט שנעע און וועלדער בעהאלטען פון זוננען ליכט. דער בעריהמטער רוסישער קריטיקער מיכאילאָווסקי רופט דיא אונבעשלאָסענע רוסישע אינטעליגענץ מיט'ן נאָמען: „האמלעטיזירטע חזירמלאך". מיר אלע אין אונזער אלטעגליכען לעבען רופען אָן מיט'ן נאָמען האמלעט יעדען, וואס גריבעלט און רעפלעקטירט, וואס דענקט פיעל און טהוט ווענינ, וואס רעדט צו דער זאך און טהוט קיין מאָל ניט צו דער זאך, וואס וויל אויסגעפינען פון וואנען נעהמען זיך דיא שטערען אין הימעל און ווייסט ניט, ווער האָט איהם געמאכט זיינע שטיוועל......

עס איז קיין צווייפעל, ביי יעדען מענשען בעזונדער און ביי גאנצע פעלקער צוזאמען לעבען האמלעטישע אייגענשאפטען. שעקספיר האָט אין זיין ווערק פערקערפּערט א געוויסען זעעלען־צושטאנד פון יעדען מענש אלס א אינדיווידואליטעט, און פון יעדעם פאָלק, אלס א טהייל פון דער גאנצער מענשהייט. דער גייסט פון צווייפעל און אונצופריעדענהייט, דער געדאנק פון סקעפּטיציזמוס, דיא שטרעבונג צו ערפינדען דעם תוך פון יעדע זאך און צו ערקלערען זיך דיא לאָגישע אורזאכע פון יעדע ערשיינונג,— דיא דאזיגע אייגענשאפטען עקזיסטירען ביי די מענשען זינד זיי זיינען געוואָרען מענשען. שעקספיר האָט מיט דיא X-שטראהלען פון זיין זשעני אראָפּגעפאָטאָגראפירט און געוויזען דאס בילד פון דער בעהאלטענער, פערבאָרגענער נשמה ניט נאָר פון איין מענשען,— ער האָט אונז געוויזען דיא נשמה פון דער גאנצער מענשהייט —און דיזע פסיכאָלאָגי דער מענשהייט האָט ער אָנגערופען מיט'ן נאָמען האמלעט. אָבער ניט אין דעם אליין בעשטעהט דיא גרויסע בעדייטונג פון דיזען ווערק. „האמלעט" איז ניט נאָר א פסיכאָלאָגישער שטודיום, עס איז א גרויסעס היסטאָרישעס ווערק. עס איז א וועלט דראמא. אין וועלכע מיר געפינען דיא שילדערונג פון דער גאנצער ציוויליזירטע וועלט, פון

אלע קריסטליכע פעלקער פון אייראפא. אין דיזער וועלט דראמא געפינען מיר דיא רעזול-טאטען, דיא דראמאטישע פאלגען פון דעם, וואס פיעלע, פיעלע יאהרהונדערטע האט דיא יודישע דראמא „איוב" אונטערגעדריקט דיא גריכישע ריכטונג און האט רעגיערט איבער דער וועלט אונטער'ן נאמען קריסטענטהום. אין האמלעט זעהט איהר דעם זעעלען צושטאנד פון דער גאנ-צער קריסטליכער וועלט אין דעם מאמענט, ווען דער צווייפלענדער גייסט ערוואכט און דריקט זיך אוים דורך דער בעוועגונג, וועלכע איז בע-קאנט אין דער וועלט געשיכטע אלס „הומא-ניזמוס".

האמלעט דאס איז דאס 13—14 הונדערט יאהר אלטע קריסטענטהום, אין וועלכען עס ערוואכען ענדליך הומאניסטישע געדאנקען און הומאניסטישע שטרעבונגען. דיא קריסטליכע וועלט פאנגט אן צו צווייפלען אין דער גאנצער מאראלער סיסטעם און אין דער לאגיק פון אלעס וואס עקזיסטירט. וויא מיר האבען שוין ער-קלערט אין אונזערע פריהערדיגע קאפיטלען, דיא גריכישע ריכטונג פון מענשענס געדאנק איז אן אביעקטיווע, דאס הייסט, דער מענש אינטע-רעסירט זיך וועניגער מיט זיין אינערליכען „איך", נאר מיט דעם, וואס איז אויסער איהם, מיט דער וועלט, מיט דער נאטור, מיט'ן מאטע-ריעלען לעבען. דיא אידישע אדער קריסטליך-העברעאישע ריכטונג איז א סוביעקטיווע. דער מענש דענקט ניט פון דער אויסערער, מאטעריע-לער וועלט און איז, פערקערט, נאר בעשעפטיגט מיט זיין אינערליכע, מאראלע וועלט. דאס קריסטענטהום ביז דער צייט פון רענעסאנס, ביז דער צייט פון בענייאונג און אויפלעבונג, האט איבערגעלעבט א גרויסע היסטארישע עפאכע פון סוביעקטיווען דענקען און פיהלען. אין האמלעט ווערט געשילדערט דער קאנפליקט, דער צוזאמענשטויס צווישען דער סוביעקטיווער און אביעקטיווער ריכטונג פון דעם מענשען'ס דענקען.

האמלעט, דאס איז דיא גרויסע דענקענדע קראפט, דיא פילאזאפי פון דעם פאר דער צייט פערעלטערטען קריסטענטהום. האמלעט, דאס איז דאס יונגע קריסטענטהום, וועלכעס וויל שטאר-בען. מען האט עס געלערענט צו פערזיסען דאס לעבען און מיט ביטערניס פרעגט עס: זיין, אדער ניט זיין? דאן קומט דיא צייט ווען דאס קריסטענטהום קערט זיך אום אויף א קורצע צייט צוריק און זוכט דיא מיטלען צום לעבען אין דער העלעניש-גריכישער ריכטונג — דאס איז דיא צייט פון רענעסאנס, דאס איז דער אל-טער דאקטאר פאוסט, וועלכער וויל ווערען יונג, דאס איז דער אלטער העלעניזמוס וועלכער וויל לעבען. האמלעט, דאס סוביעקטיווע מיטעל-על-טערע קריסטענטהום, איז א עולם-הבא'ניק. פאוסט וועלכער שטרעבט צו זיין אביעקטיוו איז אן עולם הזה'ניק. האמלעט געפינט אויפן בית עולם די אונ-ווירדיקייט און אונזינניגקייט פון מענשענס לע-בען, פאוסט קריכט אין דיא קברים פון דער פערשטארבענער קלאסישער וועלט צו געפינען דיא שעהנהייט, דעם אידעאל פון מאטעריעלען לעבען.

דיא געשיכטע פון אונזער פראגרעס, וויא מיר האבען פריהער בעמערקט, איז א וועלט דראמא אין איהרע פערשיעדענע פארמען. פריהער האבען מיר איבערגעלעבט דיא גריכישע טראגעדי פון פראמעטייאוס און נאכדעם דיא יודישע טראגעדי פון איוב... נאכדעם דיא קאמע-די פון דער רוימישער פעריאדע... דאס הייסט, דיא פעריאדע פון אבלאכען, פון קריטיקירען, פון גרינג שעצונג פון אווטאריטעטען, דיא צייט ווען מען פערלירט דעם גלויבען און מען זוכט בעפרידיגונגען נאר אין דעם געפיהל, וואס רופט זיך פערגניגען. דער מענש זאגט: איז דאס לעבען א קאמעדי? לאמיר זיך מאכען לוסטיג און לאכען. די צוויי אלטע וויכטיגע טראגעדיעס האבען זיך צוזאמענגעפלאכטען מיט דער גרינ-גער רוימישער קאמעדי און דער רעזולטאט דער-פון איז געווען — א היסטארישע טראגיקאמעדי. דער גרויסער דיכטער און דענקער שעקספיער גיט אונז דיא טראגי-קאמעדיע פון דער קריסט-ליכער געזעלשאפט — אלע שעקספיער'ס ווערקע צוזאמענגענומען איז א גרויסע טראגי-קאמעדיע פון דעם קריסטליכען מענשען. שעקספיער האט ניט געשריעבען קיין דראמא, ווייל דאס לעבען פון דעם קריסט אין זיינע צייטען איז געווען א טראגי-קאמעדיע — פון דעם מענשען'ס רעכטע אלס „איין איינציגער", פון קיין אינדיווידואלי-טעט האט דאמאלס ניט געקענט זיין קיין רעדע. פון דעם וואס מיר רופען געזעלשאפט האט קיינער ניט געוואוסט, ניט נאר דער בעגריף, נאר זאגאר דאס ווארט „געזעלשאפט" האט נאך ניט עקזיסטירט. דער מענש האט דאמאלס נאך ניט געקענט דענקען פון דעם. ער זאל אליין זיין דער הערר אדער אם וועניגסטען דער קאנ-טראלער פון דיא אומשטענדען, ער זאל אליין קאנטראלירען זיין גלויבען, זיין רעגיערונג, זיין פאמיליע און אליין שאפען זיין גליק. דאס וואלט שוין געהייסען ריינע דראמא, טהעטיג-קייט, אונאבהענגיגקייט— דיא פעריאדע פון דיזער דראמא איז ערשט געקומען אין הענריך איבסען'ס צייטען. אין שעקספיר'ס צייטען איז דער מענש געווען דער פראדוקט און דיא אונ-טערטהעניגע בעשעפענים פון דער קירכע, רעלי-גיאן, רעגיערונג. ער איז געווען דער פראדוקט

פון דער פאטאלער טראגעדי — די יודיש קריסט־ליכע וועלט אנשויאונג. זעהר זעלטען האט זיך אין זיין לעבען געהערט דיא שטימע פון דער אפיקורסישער קאמעדי, דיא שטימע פון א ראבעלע, דיא שטימע פון א באקאטשיא. דער אונטערדריקטער צו־קוועטשטער מענש האט דא־מאלס געשפיעלט א קליינע ראלע. אין זיין הע־בערע פארם איז ער געוועזן, וויא האמלעט זאגט, א בריאה וואס האט זיך איינגעשפארט אין דעם שאלעכץ פון א נוס, וואו ער האט זיך גערע־בענט פיר דעם קעניג פון אונענדליכקייט...... א טראגיש־קאמישע לאגע! פון דיזער טראגי־קא־מישער לאגע האט שעקספיער געשעפט אלע שעהנע ווערקע. ער האט געשילדערט ניט דעם מענש, נאר דאס מענשליכע, ניט דיא אומשטענ־דען, נאר דיא אייגענשאפטען, ניט דיא אורזא־כען, נאר דיא פאלגען, ניט דאס פאלק, נאר דיא מאסע, ניט דעם „איינעם“, נאר דעם העלד, ניט דיא פערזענליכקייט, נאר דעם כאראקטער, ניט א געוויסע טהייל, נאר דאס גאנצע, ניט א בעזונדערע פראווינץ פון מענשען'ס לעבען, נאר זיין אלל־וועלט, זיין אוניווערזום!....

גיט א קוק אויף דעם ארמען האמלעט, וועלכער רעפרעזענטירט דאס פיהלענדע און דענ־קענדע קריסטענטהום פון זיין צייט. וואס האט פון איהם דיא יודיש־קריסטליכע אידעע פון סוביעקטיווען דענקען געמאכט? ער איז א שוואכלינג, אהן בעשלאסענהייט, אהן איניציא־טיווע, אהן זעלבסט פערטרויען, אהן א ווילען. זיין היסטארישע טראגעדי האט ביי איהם גע־רויבט זיין פיזישע קראפט, זיין לעבענסלוסט, און האט פאראליזירט זיין ווילען. העכער טויז־זענד יאהר האט מען איהם געלערענט צו פער־שטעהן, אז ער איז געבארען געווארען פון א טפה סרוחה, אז ער ליידעט איבער אדם'ס זינ־דען־פאל, וועלכער איז געקומען דורך דער פרוי; דאס דעם מענשענס אירדישעס לעבען איז קיין לעבען ניט—דורך'ן טויט קריעגט ער ערשט זיין לעבען אויף יענער וועלט, וואו קיין מענשליכעס לעבען איז ניטא. דעם בעגריעף פון ליעבע האט מען איהם געגעבען אין א צווייפאכער (דואליס־טישער) פארם. אויב דיא ליעבע איז פון גאט, האט מען ליעב נאר יעזוס'ן און דיא זעעלע. אויב דיא ליעבע איז פון סאטאן, האט מען ליעב דעם קערפער, האט מען ליעב דיא זינדיגע פרוי. העכער טויזענד יאהר האט מען דעם האמלעט געצוואונגען צו דענקען, אז דיא הע־כערע, דיא איידעלערע אידעע פון לעבען איז אין אסקעטיזם, דאס הייסט, אין דעם, דער מענש זאל קעמפפען מיט זיין אייגענע נאטור, זאל טויטען אין זיך יעדען פערלאנג, זאל פער־ברייגען זיין צייט אין תשובה טהאן, פאסטען און צרות ליידען.... האט איהם דער ר"ע גע־שיקט וועניג יסורים, האט ער אליין פאר זיך ערפונדען אלערליי כלי משחית צו פייניגען זיך. ער האט זיך געשמיסען מיט ריטער, מיט דער־נער, מיט רימענס, האט זיך אליין געמארטערט און געפלאגט. אין ליידען און אין ביטערע שמערץ האט ער געזוכט דיא „זיסע“ מיסיאן פון זיין לע־בען. וואוהין זיינע אויגען האבען זיך געווענ־דעט האט ער נאר געזעהן דיא אידעע פון זעלבסט ענטזאגונג און אסקעטיזמוס.... אום־אונד־אום האט ער געזעהען דעם געקרייציגטען מענשען מיט א קראנץ פון דערנער אויף זיין קאפ און מיט בלוטיגע טרעהרען אויף זיין געזיכט, וועל־כער שטעלט פאר דעם מענשענס ערלעזונג. דיא גרעסטע קינסטלער האבען ניט געשילדערט דיא נאטור, ניט געמאלט קיין שעהנע לאנד־שאפטען, ניין, זיי האבען איהם געגעבען סטא־טוען פון אויסגעמאטערטע הייליגע אסקעטען, האבען איהם געמאהלען מאראננעס מיט פער־קרימטע, אויסגעקרענקטע פנימער און אויסגע־דארטע פרושים... אין זיין מוזיק האט גע־הערשט דער טרויעריגער טויטענמארש פון זיין קירכען געזאנג, אין דער ארכיטעקטור האט ער געזעהן דונקעלע געביידען און שרעקענדע סימ־באלען. א ביהנע האט ער אין דער קירכע אדער לעבען דער קירכע און זעהען זעהט ער דארט נאר יעזוסן, זיין מוטער און זייערע הייליגע מיט זייער לעבען פון תשובה און ענטזאגונג, מיט איין ווארט, ער האט אום־אונד־אום געזעהן נאר דעם אסקעטיזמוס. געוויס, דער נאטירלי־כער געגענזאץ פון אסקעטיזמוס איז געוועזן דער אפטער אויסברוך פון ווילדע לוסט, דער מבול פון אויסגעלאסענהייט..... דער דערשראקענער קריסט האט געוואוסט דערפון, אבער ער האט עס ניט גערעכענט אלס א פראטעסט פון דער נאטור. עס איז געוועזן איין אנשיקענס פון סא־טאן. ווארום דיא נאטור, דאס שעהנעס, דער גריכישער בעגריף פון לעבען, — דאס אלעס, איז געוועזן פון סאטאן און פיר דעם סאטאן. רוחניות איז געוועזן פיר גאט און פון גאט, גשמיות איז געוועזן פון טייוועל און פיר'ן טייוועל....

עס איז לייכט צו פערשטעהן, ווארום האמ־לעט איז אזוי שוואך און בלאס, וויא ער ערשיינט פאר אונז אין זיין שווארצען טרויער מאנטעל, אין דעם מאנטעל פון א בעל תשובה און פעסי־מיסט. אין דעם מאנטעל אין וועלכען דיא אידיש־קריסטליכע סוביעקטיווע אידעע פון לעבען האט איהם געוויקעלט אזוי פיעל יאהרהונדערטע. אין וואס בעשטעהט דיא טראגע־קאמעדי פון האמ־לעט'ס לעבען? איהם שרעקט דער טויטער גייסט פון זיין פאטער, דער שאטען פון דער פערגאנ־גענהייט, דיא פאקטען פון דעם אמאליגען לעבען

ווען דער האמלעט־פאטער איז געווען פיזיש רוהיג, שטארק און מעכטיג מיט א פרייען ווילען און האט געפיהרט א זאָלאָגישען לעבען אויף דער שויס פון דער נאטור..... דיא פערגאנגענ־הייט רופט איהם צו טהעטיגקייט. ער אבער איז פאראליזירט. דיא אלטע פערגאנגענהייט איז געשטאָרבען און דער קריסט האמלעט ערפאהרט נאָך אמאָל דיא אלטע יודיש־קריסטליכע גע־שיכטע, אז דער טויט איז פעראורזאכט דורך דעם זינדענפאל פון דער פרוי, דורך דער זינדי־גער מוטער געטרודע.... שפעטער, ווען דאס לעבען ווערט א דראמא, קומט דער זינדענפאל ניט דורך דער פרוי, נאר דורך דעם מענש. פון שעקספיער'ס געטרודע און פון זיין אפעליא ביז איבסענס נאָרא און העדדא גאבלער האט דיא מענשהייט געדארפט דורכגעהן א גרויסען היס־טארישען מהלך. אין שעקספיערס צייטען זיינען דיא פרויען געווען אדער העקסען, מכשפות, דעם סאטאנס בעהעלפערס צו פערפיהרען דעם מאנסבילס כשרה נשמה, אדער זיי זיינען געווען פרומע נאָנען, לייכטענדע שטערן און דופטענדע בלומען. פשוטע מענשען האבען דיא פרויען אנגעפאנגען צו ווערען נאר אין אונזערע צייטען, אין דער מאָדערנער דראמא......

„האמלעט" איז דער געגענזאץ פון דראמע, ער איז דער ווידערשפרוך פון אקטיוויטעט, פון טהעטיגקייט, פון בעשלאָסענהייט. ער איז ניט געווען דער הערר פון זיין לעבענס אומשטענדע, פון זיין שיקזאל. ער איז געווען א פאטאלער פראדוקט פון א פאטאלער היסטאָרישער טרא־געדיע, א קנעכט פון זיין שיקזאל, ער האט א סך געדענקט און וועניג געטהאָן. זיינע שמערצען זיינען געקומען פון דענקען. זאָלאנג דער קריסט האט ניט געדענקט, האט ער נאָר געגלויבט... און אין גלויבען האט ער געפונען זיין טרויסט און בעפרידיגונג. וויא ער האט נאר אנגעהויי־בען דענקען, האט ער אנגעהויבען צווייפלען, ער איז געוואָרען א סקעפטיקער און א הומאניסט. דער סקעפטיציזמוס האט טאקי פערגיפטעט די זעעלע פון האמלעט, עס האט אָבער געעפענט דעם מח פון פראנציס בעקאָן, וועלכער האט אין דער זעלבער צייט אנגעפאנגען צו לערנען, אז דענקען דארף מען נאר פון דער אויסערער וועלט און דאָס דער אָביעקטיווער געדאנק איז דאן ריכטיג, ווען מיר קענען דעם אָביעקט אליין, דעם געגענשטאנד פון אונזער דענקען—אָבמעס־טען, אבוועגען, בעגרייפען דורך אונזערע מאטע־ריעלע חושים. האמלעטיזם האט געמוזט פיהרען צום בעקאָניזם און, אין דעם זינן, זאָגט מען ניט אומזיסט, אז בעקאָן און שעקספיער איז איינע און דיא זעלבע פערזאָן..... דער הומאניזם פון האמלעט האט טאקי געפיהרט דערצו, דאס ער האט אנגעהויבען צו צווייפלען ניט נאָר אין דער זיטליכער וועלט־אָרדנונג פון עקזיסטירענדען מענשען, נאר אויך אין דער לאגיק פון דער גאנצער וועלט־סיסטעם. דאס האט אבער גע־פיהרט צום רענעסאנס, שפעטער צו דער פילאָ־זאָפי פון אויפקלערונג און רעוואָלוציאָן!

א לאנגע צייט איז דיא קריסטליכע וועלט געלעגען אין פינסטערנים, דער געדאנק פון מענשען איז געשלאָפען, דער גייסט איז גע־ווען געשמידט אין קעטען פון טויטע דאָגמען, דיא פערזענליכקייט פון יעדען „איינציגען" איז געווען אונטערדריקט, זיין ווילען געראובט. דער גאט פון ליעבע איז געוואָרען אן אל קנא ונוקם.... ער האט געהייסען שווייגען, אז ניט האָט ער געהייסען פערברענען און פערניכטען. ער וואָלט שוין ניט אויסגעהערט אזוי געדולדיג, וואס איוב זאגט, וויא דער אלטער דעמאָקראטישער גאט־פאטער, יהוה האט געטהאָן. דיא קאטוילישע קירכע האט פון דעם גאט דער ליעבע, פון דעם גאט פון אביונים און געפאלענע, געמאכט איין אריסטאקראט־שען גאט, א גוואלדיגען מיוחס און אווטאריטעט. דיא קירכע און איהר דאגמע האָבען גענצליך דעם מענשען פערשקלאפט. דאס האט ענדליך געמוזט הערויסרופען א פראטעסט און עס האט געשאפען דעם רעליגיעזען פרא־טעסטאנטיזמוס, דיא רעפארמאציאָן.

דיא רעפארמאציאָן האָט געבראכט גרויסע נוצען דערמיט, וואס זיא האט ערנידריגט דעם פרעסטיזש פון אלטע אווטאריטעטען און האָט געוויזען א ביישפיעל פון פראטעסט— זיא איז געווען נוצליך אין דעם זינן, דאס זיא האט געלערנט און פארבערייטעט דיא אונטערוואר־פענע מענשען פון פראטעסט איבערגעהן צו רע־וואָלוציאָן. אָבער דיא רעפאָרמאציאָן האט ניט בעפרייט דעם געדאנק און דעם גייסט פון דעם קריסטליכען מענשען. פערקערט, זיא האט נאָך שטארקער געמאכט דעם איינפלוס פון דער יודישער סוביעקטיווער וועלט־אנשויאונג. דיא ביבעל איז נאָך געוואָרען א גרעסערער אווטאָ־ריטעט, דיא דואליסטישע סיסטעם, אז אויף דער זינדיגער ערד הערשט דער סאטאן צוזאמען מיט גאט איז נאָך געוואָרען שטארקער. אלע וועלט־פערגניגונגס, יעדע פרייד וואס איז פער־בונדען מיט גשמיות האט אויך אין דער פרא־טעסטאנטישער וועלט געהערט צום סאטאן—און וואָס עס בעלאנגט צום סאטאן, נאטירליך, בע־לאנגט ניט צו גאט. דיא פראטעסטאנטען, מעהר פון אלע דיא קוועקערס, האָבען געהאסט און פעראכטעט קונסט, טהעאטער, אירדישע שעהנ־הייט, ווארום דאס אלעס איז געווען דעם סא־טאן'ס מלאכה. און וויא אזוי האט דער פרא־טעסטאנט געקענט צווייפלען אין דיא עקזיסטענץ

פון סאטאן; אז מארטון לוטהער אליין האָט מיט איהם געפיהרט פערזענליכע דעבאטען און האָט איין מאל אויף איהם, אויף דעם „ניט גוטען“ געווארפען זיין גרויסען טינטער מיט טינט?

וויא לאנג דיא רעאקציאָן און דיא פינסטערנים זאלען ניט הערשען, וויא שטארק דיא דענקענדע קראפט זאל ניט זיין אונטערדריקט, אין גאנצען פערניכטען דעם געדאנק פון א מענשען איז אונמעגליך, — דיא מענשהייט פערגעסט ניט צו דענקען. דער צווייפלענדער, סקעפטישער געדאנק ערוואכט און דער מענש הויבט צוערשט אָן פרעגען: צוליעב וואס דארף זיין דאס וואס עס איז? און אויב עס דארף זיין, מוז עס דען זיין דוקה אזוי וויא עס איז?... שפעטער קומט דער קריטישער געדאנק און צושטערט אלעס, וואָס עס דארף ניט זיין, און נאָך שפעטער קומט דער שאפענדער גייסט און שאפט דאס נייע, וואס עס דארף זיין... האמלעט — דאס איז דער ערוואכטער צווייפלענדער געדאנק פון דעם אבגעשוואכטען קריסטענטהום, דאס איז איוב, וועלכער האָט זיך אריינגעקליבען צום קריסט און האָט אזוי פיעל יאָהר געשוויגען, דאס איז דער „עוויגער יודע“, וועלכער האָט אומגעוואנדעלט אין דער קריסטליכער וועלט אין דעם תשובה מאנטעל פון א מאָנאך, איין אסקעט... האמלעט פערשטעהט זיין אויפגאבע, אבער אויפלעזען זיא קען ער ניט, ווארום צום קענען דארף מען האָבען ווילען.... נאר דורכ'ן ווילען קומט מען צו טהאטען, האמלעט האָט ניט קיין ווילען. דיא רעפלעקציאָן, דאס גריבלען פאראליזירט זיין ענטשלאָסענהייט. ער האָט נאר דיא אידעע פון דער טהאט, אבער ניט דיא טהאט אליין. דאס איז דער ערשטער שריט פון סקעפטישען געדאנק. האמלעט פאנגט אן צו צווייפלען אין דעם לאגישען געדאנק פון אלע ערשיינונגען. זיין צווייפלען געהט אזוי ווייט, אז ער זאגט: צווייפעל, דאס דיא שטערן לייכטען, צווייפעל, דאס דיא זון בעוועגט זיך, צווייפעל, אויב דיא וואהרהייט איז ניט א ליעגען!... דאס וואס האמלעט זאגט: צווייפעל דאס דיא זון בעוועגט זיך, צייגט ניט, אז שעקספיער האט דאמאלס ניט געוואוסט, אז דיא ערד, ניט דיא זון בעוועגט זיך. פערקעהרט, ער האָט יא געוואוסט און דאס פערשטארקט נאָך דעם געדאנק, וויא אונזיכער איז דאס, וואס דער מענש רעכענט פיר איין וואהרהייט. זיינע געפיהלע זאגען איהם, אז דיא שטערן זיינען פייער, אז דיא זון בעוועגט זיך, איז דאס דען אין דער ווירקליכקייט אזוי? און איז דען ניט אלעס, וואס ער רעכענט פיר איין וואהרהייט, ניט מעהר וויא א טעות, א ליעגען, איין איללוזיאָן פון זיינע געפיהלע? ער הויבט אן צווייפלען אין אלע געוועהנליכע מיינונגען, אין אלעס וואָס ער וויים פון ביכער, אין אלע זיינע פערזענליכע בעאבאכטונגען. אזוי וויא איוב זאגט ער: וואס צווינגט אונז צו שוויצען, צו קרעכצען און צו שלעפען אויף זיך דעם שווערען לאסט פון לעבען? נור דאס, וואס מיר האָבען מורא, אז נאָכ'ן טויט וועט זיין עפּעס דארט אין יענעם לאנד, פון וואנען קיין וואנדערער האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט. דאס געוויסען מאכט פון אונז שוועכלינגע און פייגלינגע, וואס בלייבט פון מענשען נאָך זיין טויט? א מאָנאט נאָך זיין פאטער'ס טויט האָבען איהם שוין אלע פערגעסען, און דיא זינדיגע פרוי־מוטער האָט שוין חתונה געהאט. און אז ווער איז שוין גאר א גרויסער מענש, איז דאָ א האָפנונג, אז ער וועט זיין לעבען איבערלעבען מיט גאנצע זעקס חדשים! פון דעם ארעמען יאריגס קאָפּ, וועלכער האָט אמאָל געזאָגט וויצען און האָט אלעמען פריילאך געמאכט, איז געווארען א עקעלהאפטער ביין מיט צוויי לעכער. פון דעם גרויסען אלעקסאנדער איז געוואָרען אש און שטויב, וויא פון יעדען קליינעם מענשעלע, און דער גרויסער מאכער, וועלכער האָט זיין גאנצעם לעבען געקייפּט לענדער, ליעגט אין א שמאָלען שטיקעלע ערד — דער קעניג, וואס איז אבגעהאָדעוועט און פעט, און דער בעטלער, וואס איז אויסגעהונגערט און מאָגער, — ביידע זיינען זיי צוויי פערשיעדענע געריכטען ביי איין טיש, צוויי מאכלים פיר איינע און ד זעלבע ווערים....

דיא גאנצע וועלט איז א תפיסה און יעדער מענש איז א געפאנגענער. קיין פרייהייט איז ניטאָ. דיא פערהעלטניסע צווישען מענשען זיינען געבויט אויף ליעגען און בעטרוג. מען אכטעט דעם, ווער עס האָט דיא מאכט אין האנד. נעכטען האָט צופעליגערווייזע א בראווער עהרליכער מענש געהאט דיא מאכט אין האנד, האָט מען איהם געאכטעט. היינט האָט פערנומען זיין פּלאץ א פייגלינג, א פערברעכער, א מערדער — גיט מען איהם אָב כבוד. קיין גערעכטיגקייט איז אויף דער וועלט ניטאָ. וויסען? קענען? אה, פריינד האָראציא, אויף'ן הימעל און אויף דר'ערד זיינען דאָ פיעלע, פיעלע זאכען, וועלכע דיא פילאָזאָפי איז ניט אימשטאנדע צו ערקלעהרען. ליעבע פון א פרוי? גערטרודע האָט חתונה מיט אן אנדערן בעפאָר זיא האָט אויסגעטראָטען דיא שיך, אין וועלכע זיא איז געגאנגען צו איהר ערשטען מאן'ס לויה. און זיא האָט איהם דאָך אזוי געליעבט. דיא טוגענד און שעהנהייט פון אָפעליא? דיא שעהנהייט וועט קיין מאָל ניט זיין א הילפסמיטעל, צו פערשטארקען דיא טוגענד, פארקערט, דיא טוגענד וועט זיין א קופּלערין ביי דער שענהייט. ניין!

האמלעט ראטהעט בעסער אָפעליע געהען אין מאָנאסטיר, איידער זיא זאָל חתונה האָבען און דורך איהר זאָלען פערמעהרט ווערען זינדיגע מענשען. פריינדשאפט? וואָס איז א פריינד, א מענש וואָס מיינט, אז ער קען שפיעלען אויף דיר לייכטער, וויא אויף א פלייט... וואָס איז גליק? פאָרטונא איז א פראָסטיטוטקע, וועלכע פערקויפט איהר ליעבע צו דעם, ווער עס איז מעהר אויסגעלאסען און פערדאָרבען. וואָס איז דאס לעבען? צוליעב וואָס זאָל מען לעבען? וואָס איז דיא גאנצע זיטליכע אָרדנונג פון דער וועלט? וואָס איז דיא וועלט אליין? וואָס איז דיא גרויסע ליכטיגע זון, ווען פון איהרע שטראהלען ווערען בעשאפען ווערים אין דעם קויט, וואָס וואלגערט זיך אויף דר'ערד? בלייבט נאָך איין פראגע: וואו איז דאס גלויבען, וועלכע פערשפרעכט אונז בעפרידיגונג נאָך'ן טויט? וואו איז דיא רעליגיאָן, וועלכע האָט טויזענד יאָהר געלערענט האמלעט'ן ניט דענקען פון ראַכע און האָט געלערענט דעם מענש פערגעבען, מוחל זיין און דיא שטראפע, ד י א ט ה א ט ניט נעמען אויף זיך, נאָר איבערגעבען עס צו דער מאכט, וועלכע איז ניט אין דעם מענשען, נאָר ווייט אין דיא הימלען? האמלעט האָט אָנגעפאנגען צו דענקען און האָט מעהר ניט קיין גלויבען. דיא קריסטליכע וועלט וויל ניט מעהר קיין בעפרידיגונג אין'ם טויט, זיא וויל אָנפאנגען זוכען דאָס גליק אינ'ם לעבען, וויא דער אלטער גריך האָט געטהון, אינ'ם קאמפף פיר'ס מענשליכע לעבען, וויא פראָמעטאוס האָט געטהאָן. האמלעט וויל ניט איבערגעבען דיא שטראפע, דיא טהאט צו דער מאכט אין הימעל, ער בערשטייט שוין אז דער מענש דארף אליין אויף זיך נעהמען צו בעשטראָפען, אויסראָטען, פערניכטען דאס בייזע, דאס שלעכטע, דאס אונגערעכטע... ער פערשטייט עס, ער וויל עס, ער קען עס אָבער ניט. דער קאמפף פיר דעם אירדישען לעבען און דיא טהאט—דאָס זיינען שפעטערע אקטען פון דער גרויסער וועלט דראמע....

ווען האמלעט פאלט און געזעגנעט זיך מיט זיין טרייען פריינד האָראציא, זיינען זיינע לעצטע ווערטער ווענען טויט: „דיא רוהע איז שווייגען....“

האָראציא בויגט צו זיין קאָפּ צו דעם קערפער פון דעם גרויסען רוהעלאָזען דענקער און זאָגט:

„וואָס פאר איין נאָבלעס הערץ איז איצט צובראָכען געוואָרען! גוטע נאכט, מיין גוטער, ליעבער פרינץ! זאָלען שאארען פון ענגען דיר פון רוהע זינגען.... הא? וואָס הער איך? וואס פאר א געררויש פון א באראבאן?“

יא, דער פאָרהאנג פאלט, דאָס נאָבלע הארץ פון'ם גרויסען סקעפטיקער און צווייפלער איז אנשווינגען געוואָרען. אָבער איהר הערט דעם גערויש פון א פויק? דאָס מארשירט א נייע טרופע, וועלכע וועט שפיעלען אויף דער היסטאָרישער ביהנע א נייען טייל פון דער גרויסער וועלט דראמא, דאס קומט דיא נייע צייט, דיא צייט פון רענעסאנס, דיא צייט פון בענייאונג און פון אויפלעבען, דאָס מארשירט איין אנדערע היסטאָרישע עפאכע, דאס געהט דער יוגענדזוכער, דער פערגניגען פערלאנגער, דער לעבענס פאָרשער, דער גרויסער דאָקטאָר פאוסט...

י. גארדין.

# הערבסט נגונים

## I.

כמארנע בליקט דיא זונן ארונטער
דורכען נעבעלדיגען עטער,
קוסענד אויף דיא שפּיצען בוימער
דיא פערגעלטע לעצטע בלעטער.

מאָרגען פריה ווען זיא וועט ווידער
אויף דעם כמארנעם הימעל שטייגען,
אך, ווער ווייסט צו וועט זיא טרעפען
נאָך זיי הייגגען אויף דיא צווייגען? . . .

## II.

עס בליקען דיא וועלקענדע בלומען פון גאָרטען
ארויף צו דער רייכער וואזאָנע,
אין בלאנקענדען פענסטער פון פרעכטיגען פּאלאס
און זיינען איהר שרעקליך מקנא.

דאָ צווישען דיא פרעכטיגע מארמאָר סטאטועז
און שפּריצענדע רייכע פאָנטאנען,
וויא רייך איז דער בליהען, וויא פריי איז דער לעבען,
וויא שווער אך וויא שווער איז דער וויאנען . . .“

עס בליקט פון דעם בלאנקענדען פענסטער ארונטער
דיא בליהענדע רייכע וואזאָנע,
און זעהט וויא עס וועלקען אין גאָרטען דיא בלומען
און זיא איז זיי שטערבליך מקנא . . .

אָט דאָ אונטער פּרעכטיגע שווערע גארדינען
און זיידענע געשטריקטע געוועבען,
וויא האָפנונגסלאָז איז דאָ דער איינזאמער בליהען
וויא שווער — אך וויא שווער איז דער לעבען...“

III.

מיט רוגזה זינגט דיא אָסיען נאכט
איהר ווילדען שטורעם־נגון
און וויגט דיא קראנקע ערד און וויגט,
און קען איהר ניט פערוויגען.

עס רוישט דער וואלד, עס ברומט דער ים,
מיט ביטערע יללות.
דיא נאכט פערלירט שוין דיא געדולד,
און שילט מיט טויטע קללות.

* * *

אין מזרח־זייט געהט אויף דיא זונן
און שטראהלט פון קאלטען הימעל
און קוסט דיא פראָסטיג גרויע ערד
און וועקט זיא פון איהר דרימעל . . .

יאָנקערס נ. י. ה. רויזענבלאט.

# סעמועל דזשאנס.

(שלום.)

ניט מיט זיינע רייד אָבער האָט זיך דזשאָנז פארדינט א נאָמען איןדער אמעריקא־נער געשיכטע. זיין טהעטיגקייט האָט גע־צוואונגען גאנץ אמעריקא צו דענקען. ווען דזשאָנז איז צום ערשטען מאָל עלעקטעט גע־וואָרען מעיאָר פון טאָלידאָ, האָבען דיא פּאָלי־טישענס באלד זיך ארומגעזעהען, אז זיי האָבען געמאכט א מיכטייק. דזשאָנז האָט זיך אריינ־געשלאָגען אין קאָפּ דעם נארישען געדאנק, אז ער איז ערוועהלט געוואָרען פון דעם פּאָלק און איז מחויב צו זיין מעיאָר פאר דעם גאנצען פּאָלק פון טאָלידאָ; וועהרענד דיא פּאָליטישענס פון דער רעפּובליקאנער פּארטיי, פּונקט ווי אלע פּאָליטישענס פון אלע פּארטייען, האָבען גע־דאכט, אז ווען דיא רעפּובליקאנער פּארטיי האָט איהם נאָמינירט פאר מעיאָר, טו איז ער דער מעיאָר פון דער רעפּובליקאנער פּארטיי און פאר דיא רעפּובליקאנער פּארטיי. זיי האָבען פער־לאנגט ער זאָל געבען דזשאבס, וועמען דיא פּארטיי האָט איהם אָנגעוויזען. ער האָט גאָר געפרעגט קשיות צו דיא לייט טויגען פאר דיא דזשאבס. קורץ, דיא רעפּובליקאנער פּארטיי האָט זיך פון איהם גיך אָפּגעשאָקעלט. ביי דעם פּאָלק פון טאָלידאָ אָבער איז ער באלד גע־וואָרען זעהר בעליעבט. איינע פון דיא וויכטיג־סטע שטאָדט־פראגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען וועהרענד זיין ערשטען טערמין איז געווען וועגען בעלייכטונג. אין 1899 האָט דער קאָנ־טראקט פון דער קאָמפּאניע געזאָלט זיך ענדיגען און דזשאָנז האָט אריינגעבראכט א פאָרשלאָג אין דעם קאמאן קאָונסיל (*) דיא שטאָדט זאָל איינפיהרען אייגענע עלעקטרישע בעלייכטונג. נאטירליך, דיא אינטערעסען פון מאָנאָפּאָליסטי־שע קאָמפּאניעס זיינען געווען דאגעגען. ער האָט אויפגעפאָדערט דיא אָלדערמען זיי זאָלען דיא פראגע פאָרלעגען אויף א פּאָלקס־אָפּשטי־מונג, אָבער זיי האָבען עס פערוואָרפען. צווי־שען דיא געגנער זיינען געווען אי רעפּובליקא־נער, אי דעמאָקראטען, ווייל ביידע פּארטייען זיינען פערקויפט געווען צו דיא מאָנאָפּאָליסטען ווען עס איז געקומען דיא צייט אויפצושטעלען

(*) אויף אידעש: דומע, אויף דייטש: דער שטאָדטראטה.

א קאנדידאט פאר מעיאָר אין 1899, האָבען דיא רעפּובליקאנער נאטירליך שוין דזשאָנז'ען נאָך א מאָל ניט נאָמינירט. ער האָט אָבער ער־קלערט, אז ער וועט לויפען אלס אונאבהענגיגער קאנדידאט דורך פּעטישאָן, אויף דער פּאָלגענ־דער פּלאַטפאָרם:

„אלע מענשען האָבען א גלייכע רעכט אויף א פּלאַץ אין דער וועלט. דיא שריטע, וועלכע זיינען נויטהיג דאָס אויסצופיהרען זיינען:

„ערשטענס, זעלבסטרעגירונג דורך דיא אָפּ־שאפונג פון פּאָליטישע פּארטייען; דירעקטע נאָמינייישאָנס פון קאנדידאטען דורך דאָס פּאָלק; דירעקטע געזעצגעבונג דורך דאָס פּאָלק.

„צווייטענס, קהל'שע אייגענטהום אויף יעדע זאך, וואָס ווערט גענוצט פון דעם כלל. דער פּרינציפּ פון קהל'שע אייגענטהום אויף וועלכען דער פּאָסט־אָפּיס ווערט געפיהרט, זאָל אָנגעווענדעט ווערען אויף די מיינס, אייזענבאהנ־נען, שטאָדט־באהנען, טעלעגראפען, טעלעפאָ־נען, וואסער־ווערקע און בעלייכטונג.

„דריטענס, יוניאָן־ווייִדזשעס, שטונדען און קאָנדישענס פאר סקילד ארבייט, און פאר אונ־סקילד אן אכטשטונדען־טאָג מיט ווייִדזשעס, וואָס זאָל סטאיענגען אויף צו מאכען א לעבען;

„פערטענס, אָפּשאפונג פון דעם קאָנטראקט־סיסטעם אין עפענטליכע ארבייטען, און פון דעם איצטיגען סיסטעם פון עקספּלאָטאציע פון אר־בייט אין פריזאָן.

„פינפטענס, עס איז דיא פּפליכט פון דער לעדזשיסלייטשור אויפצונעהמען דיא פראגע פון ארבייטסלאָזיגקייט און צו זאָרגען, אז קיין בירגער פון אָהייאָ, וועלכער וויל ארבייטען, זאָל ניט געטריבען ווערען אין בעטלעריי, פערברעכען און משוגעת דורך ארבייטסלאָזיגקייט."

מיט פּלאַטפאָרמס איז היינטיגע צייטען א צרה: א גאנצע סאָציאליסטישע קאָנווענשאָן איז געזעסען אין שיקאגאָ און האָט ניט פארמאָגט אויסצוארבייטען א פּלאַטפאָרמע, וואָס זאָל אליין מיט איהר זיין צופריעדען. ביי אונז אין מינסק זאָגט מען: ניט דאָברע ריידעלע, אבי דאָברע מיינעלע. זייט ניט קיין פעדאנטען, טשעפּעט זיך ניט צו ווערטער, ווערטער ווערן פארגעסען, דעם זין אָבער געדענקט מען. און דער זין פון דזשאָנז'ס פּלאַטפאָרמע איז געווען א סאָציא־ליסטישער.

אין יענעם קאמפּיין איז דזשאָנוז צום ערשטען מאָל אויפגעטרעטען אלס פּרינציפּיעלער געגנער פון יעדער פּאָליטישער פארטיי. איך האָב געהאט דיא געלעגענהייט מיט עטליכע מאָנאט שפּעטער צו ריידען מיט איהם וועגען דער סאָציאל־דעמאָקראטישער פארטיי, צו וועלכער איך האָב נאָך דעמאָלט אליין בעלאנגט. דזשאָנונז איז געווען קאָנסעקווענט און האָט ניט געמאכט קיין אונטערשיעד פאר קיין איינציגע פארטיי. נאָך זיין מיינונג, איז יעדע פארטיי א קליינע קליקע מענשען, וואָס שטעלען זייער ווילען איבער דעם ווילען פון דעם גאנצען פאָלק, זייער אָרגאניזאציאָן העכער פאר דעם פּרינציפּ. די פיינדליכע האלטונג פון דער סאָציאליסטישע פארטיי צו דזשאָונז'ען אליין, וועלכער האָט אין זיין לעבען געטהאָן מעהרער פאר דיא פּראָפּאגאנדא פון סאָציאליזמוס איידער דיא גאנצע סאָציאליסטישע פארטיי פון זיין סטייט, איז דער בעסטער בעווייז, אז ער האָט ריכטיג געאורטהיילט וועגען פּאָליטישע פארטייען. דער געדאנק שטאמט ניט פון איהם, אלע געלערנטע, וואָס האָבען געשריעבען וועגען אמעריקאנער פּאָליטישע געשיכטע, האָבען בעצייכענט דיא פארטיי־הערשאפט אלס דיא ערגסטע מכה פון דעם אמעריקאנער פּאָליטישען לעבען. וועהרענד דיא לעצטע פאָר צעהנדליג יאָהר וואקסט שטענדיג דיא צאָהל פון פּאָרטגעשריטענע מענשען, וואָס שטעהען אין אָפּאָזיציאָן צו אלע פּאָליטישע פארטייען און גלויבען נאָר אין אונאבהענגיגע פּאָליטישע בעוועגונגען. דערווייל איז אָבער זייער ערפאָלג געוואוינליך זעהר שוואך. דזשאנוז איז געווען א גלענצענדע אויסנאהמע אין א גרויסער געשעפטס־שטאָדט פון הונדערט און פופציג טויזענד איינוואָהנער.

דיא גאנצע פּרעססע האָט איהם ענטוועדער אויסגעלאכט, אָדער פערשוויגען. דיא פרומע לייט, דיא גלחים, זיינען אויף איהם געווען מלא כעס, ווייל ער האָט ניט געזוכט צו מאכען פון דער זינדיגער וועלט א וועלט פון צדיקים דורך דעם פּאָליסמאן'ס קלאָב. פערזענליך האָט ער געגלויבט אין גאָט און אין יעזוסען; צו ער האָט געגלויבט אין אלע נסים, אָדער אלס אויפגעקלערטער דעאיסט, האָט ער עפענטליך קיין מאָל ניט ערקלערט. אלזאָ האָבען מיר זיך דאָ דערמיט ניט וואָס צו בעשעפטיגען; יעדענפאלס האָט ער אימער געשטיצט זיין סאָציאליזמוס אויף יעזוסען, ניט אויף מארקסען. ער האָט ניט געטרונקען, איז געווען א גוטער פאמיליען־פאָטער. פון אזא מען וואָלט מען געקענט ערווארטען, אז ער וועט זיך נעהמען זוכען חטאים אין דער שטאָדט, וועט צומאכען דיא סאלונס, וועט פארפאָלגען דיא אונגליקליכע פרויען, וועלכע דער קאפּיטאליסטישער סיסטעם און דיא היפּאָקריטסטוואָ פון דער געזעלשאפט צווינגען פארקויפען זייער קערפּער, אום ניט צו שטארבען פאר הונגער. אָבער דזשאָנוז האָט ערקלערט, אז ער גלויבט ניט, אז מי קען אונטער דעם היינטיגען סיסטעם מאכען איינצעלנע מענשען מאָראליש. ער האָט עפענטליך ערקלערט, אז דיא גרויסע דעפּארטמענט־סטאָרס, וועלכע בעשעפטיגען יונגע מיידלאך פאר צוויי דריי דאָלאר א וואָך, זיינען דיא פערברעכער, וועלכע פערברייטען דיא פּראָסטיטוציאָן און פּראָפּיטירען פון איהר. ער האָט געלאָזען דיא סאלונס זיין אָפען זאָנטאג און האָט שפּעטער אויסגעפיהרט, אז דער קאמאן קאונסיל האָט אין גאנצען אָבגעשאפט דיא געזעצע, וועלכע ערלויבען ניט צו האלטען סטאָרס און סאלונס אָפען זאָנטאג.

דאָס איז דיא איינציגע ראדיקאלע רפואה געגען דיא קאָרופּציאָן פון דער פּאָליציי, מיט וועלכער אזעלכער מיילך און־וואסער רעפאָרמער וויא סעט לאָו אָדער רוזוועלט (ווען ער איז געווען פּאָליס־קאָמישאָנער אין ניו יאָרק) האָבען זיך קיין מאָל ניט געקענט איספּראווען. נאטירליך, דיא „אנשטענדיגע" עלעמענטען זיינען אלע געווען געגען דזשאָונז'ען און האָבען איהם בעצייכענט אלס קאנדידאט פון דיא סאלונט. אמת, דיא סאלונס האָבען געהאלטען פאר איהם, אָבער ער האָט זיך געקענט טרויסטען דערמיט, וואָס יעזוס האָט אויך געהאט דיא שטיצע פון דיא פעראכטעטע קלאסען פון דער אידישער געזעלשאפט.

זיין ערפאָלג ביי דער עלעקשאָן איז געווען אן איבערראשענדער: דער רעפּובליקאנער קאנדידאט האָט בעקומען 4,266 שטימען, דער דעמאָקראטישער 3,148, און דזשאָונז 16,773, דאָס הייסט, מעהר וויא דאָפּעלט וויא ביידע אלטע פארטייען צוזאמען. דאָס איז געוועזן א פאָלשטענדיגע נידערלאגע פאר דיא פּאָליטישענס. עס זיינען נאכדעם פאָרגעקומען נאָך צוויי עלעקשאָנס פאר מעיאָר און דזשאָונז איז ביידע מאָל ווידער ערוועהלט געוואָרען.

דער ערפאָלג פון דזשאָונז'ען ביי דער עלעקשאָן פאר מעיאָר האָט פיעלע פון זיינע אנהענגער געבראכט אויף דעם געדאנקען ער זאָל לוי־

פען פאר גאָווערנאָר. ער האָט געענטפּערט, אז אויב עס וועלען זיך געפינען 25,000 וואוטערס, וואָס וועלען אונטערשרייבען דיא פעטישאָן, וועט ער לויפען. דיא אונטערשריפטען זיינען אויפגעקליבען געוואָרען, דזשאָונז האָט ערקלערט, אז ער וועט לויפען אויף דערזועלביגער פּלאטפאָרם, וויא ער איז געלאָפען פאר מעיאָר. זיין קאמפּיין איז געווען פול מיט ענטהוזיאזמוס. דיא קאפּיטאליסטישע צייטונגען פון דעם סטייט האָבען איהם טויט געשוויגען. אין סינסינעטי האָט דיא פּאָליציי אפילו געפּרופט צו פארביטען א דזשאָונז מיטינג. אָבער ער האָט געהאט דיא אונטערשטיצונג פון אלע סאָציאליסטיש־געזאָנענע מענשען אויסערהאלב דיא סאָציאליסטישע פּארטייען. בעקאנטע רעדנער זיינען געקומען פון אנדערע סטייטס. דער ערפאָלג איז אלגעמיין אנערקענט געוואָרען אלס גרויסארטיגער. ער האָט געצויגען איבער הונדערט און זעקס טויזענד וואוטס און האָט געקראָגען א מאיאָריטעט אין דיא פינף גרעסטע שטעדט פון דעם סטייט אָהייאָ: סינסינעטי, קליוולענד, קאָלאָמבוס, טאָלידאָ און דייטאָן. דיא פארמערס האָבען געשטימט פאר דיא אלטע פּארטייען. אפילו דיא וואוטערס פאר דיא סאָציאליסטישע פּארטייען האָבען געספּליט דעם טיקעט. דזשאָונז האָט געקראָגען מעהר וויא העלפט פון דיא שטימען, וועלכע זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען פאר דיא איבעריגע קאנדידאטען פון דער סאָציאליסטישער פּארטיי.

דיא „ניו־יאָרקער פאָלקסצייטונג“ האָט געשריעבען וועגען זיין עלעקשאָן:

„ווער נאָך אימער ניכט גלויבען וויל דאס צור צייט אים לאַנדע איינע שטאַרקע שטרעמונג צו גונסטען סאָציאליסטישער טענדענצען הערשט, ווען אויך אונקלאָר פערשוואָמען אונד פאָלער האלבהייטען, אין אירען ציעלען, זאָוואָהל אָלס אין איהרען מיטעלן,, דער גליקע אן דיא צירקא הונדערט טויזענד שטימען, וועלכע מעיאָר דזשאָונז פאָן טאָלידאָ אם פערפלאָסענען וואהלטאגע ערהאלטען האט. וויר האבען אונז איבער דיזען דזשאָונז שוין ביי פערשיעדענען געלעגענהייטען געאויסערט אונד אונמיספערשטענדליך ערקלערט דאס ער אין אונזערעם זינע קיין סאָציאַליסט גענאַנט ווערדען קאן. אָבער ער זעלבסט נענט זיך סאָציאליסט, ער ווארדע פאָן זיינען בירגערליכען געגנערן אלס זאָלכער בעצייכענט אונד ער איסט אַלס סאָציאליסט דיזער פאקטור (דיזער פאַקטור!) אין דיא וואהל געגאַנגען מיט איינעם פּראָגראם, וועלכעס מאַן אַלס קליינבירגערליך־סאָציאליסטיש הינשטעלען דאַרף, (עס הייסט, מען מעג עס אָנרופען סאָציאליסטיש, אָבער מען מוז זאָגען, אז עס איז „קליין־בירגערליך“) איינזאפערן עס אלערהאנד פערשטאאטליכונג אונד מוניציפּאַליזירונגס־אידעען ענטהילט אונד דען פּריוואט בעזיץ אַן פּראָדוקציאָנס־מיטעלן צוואַר ניכט גרונדזעצליך, אָבער דאָך אין פערהעלטניסמעסיג ווייטעם אומפאנגע אנטאסטעט. דאס זיך אויף איינען זאלכען קאנדידאטען אין איינעם שטאַאטע וויא אָהייאָ הונדערט טויזענד שטימען פעראייניגען קאנטען, איסט גאַנץ געוויס בעצייכנענד פיר דיא שטערקע דער סאָציאליסטישען שטרעמונג אים לאַנדע, ווען זיא אויך דעם וועזען נאָך אונד אין איהרעם הויפט קאָנטינגענט ציעמליך אידענטיש זיין מאג מיט דער סאָציאליסטיש אנגעהויכטען אַלגעמיינען אונצופריעדנהייטס שטרעמונג. געוויס מאג דאביי אין רעכנונג צו שטעלען זיין דאס.... דער איינע דער קאנדידאַטען דיא קרעאטור דעם טראָסט געוואלטיגען האננאַ וואר, דער אנדערע זעלבסט טהיילהאבער איינעם בעדייטענדען טראָסט, וועהרענד דזשאָונז דען טראָסט — אייגענטליך אים ניכט־סאָציאליסטישען זינע — (איהר האָט אליין געליענט וואָס דזשאָונז האָט געזאָגט וועגען טראָסטס) פיינדליך געגענאיבערשטעהט....

„מאן מאג זאגען דאס איין עלעמענט וועלכעס דען פערשוואָמענען אונקלאָרען האלבהייטען נאכלויפע, קיין ווינשענסווערטער צואוואקס פיר דיא סאָציאליסטישע ארבייטער פּאַרטיי זיי. זאוויים דיזעלבע דירעקט אויס קליינבירגערן זיך צוזאמענזעצט, פיליכט אין דער טהאַט ניכט. אָבער אין דער גרויסען מעהרהייט זינד דאס דאָך ארבייטער“.

דער ערפאָלג פון דזשאָונז׳ען האָט געוויזען, און דאָס אנערקענט דיא „פאָלקסצייטונג“ אויך ווייטער, אז מען קען דיא ארבייטער פעראייניגען פאר אונאבהענגיגע פּאָליטיק און צו גונסטען פון א סאָציאליסטישען קאנדידאט. פאר דיא „פּאָלקס־צייטונג“ איז דזשאָונז געווען נאָר א האלבער סאָציליסט. יענע, וואָס האָבען געהערט אָדער געלעזען, וואָס ער האָט גערעדט, האָבען איהם געהאלטען פאר פונקט אזא גוטען סאָציאליסט, וויא א סך פון דיא גוט־שטעהענדע מעמבערס פון דיא סאָציאליסטישע פּארטיי.

דזשאָונז איז נאטירליך געווען אן אויסגעשפּראָכענער געגנער פון מיליטאריזמוס און אימפּעריאליזמוס און האָט גערעדט אויף עפענטליכע מיטינגען געגען דעם „פּאטריאָטיזמוס“, וועלכער איז געוואָרען אזוי שטארק זינט דער

לעצטער מלחמה. אלס קאָנסעקווענטער אנטי־אימפעריאליסט, האָט ער אין 1900 אונטערשטיצט ברייענען פאר פרעזידענט. ער האָט פערשטאנען אז דער מיליטאריזמוס איז איינע פון די גרעסטע געפאהרען פאר דיא אמעריקאנער דעמאָקראטיע, און אז עס איז געווען נויטווענדיג צו פארקערען צוריק דעם טריאומפפאלען וואָגען פון אימפעריאליזמוס. ער האָט געהאנדעלט אזוי וויא דיא פראנצויזישע סאָציאליסטען ביי דער לעצטער פרעזידענטען־וואהל.

דער נאָמען פון דזשאָונז'ען וועט פארנעהמען אן עהרען־פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער אמעריקאנער סאָציאל־דעמאָקראטישער בעוועגונג.

יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי.

# דיא פוילישע סאציאליסטישע פארטיי.

(שלוס.)

אלס א הילף צו דיזע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ערציהונג פון פּראָלעטאריאט דורך דיא דערמאָנטע געהיימע דרוקערייען קומען די אויסלענדישע אויסגאבען פון דער פארטיי נאך דעם דורכשמוגלען זיי איבער דער גרענעץ.. דאָס זיינען צעהנדליגע טויזענדער עקזעמפּלארען פון אגיטאציאָנס בראָשורען, פעריאָדישע צייטשריפטען וויא: „דער פּרשעדשוויט" דיא עלטסטע סאָציאליסטישע צייטונג וועלכע ערשיינט זייט דעם יאָהר 1887 און איז שפּעטער געוואָרען דער אָרגאן פון דער פּ. פּ. ס. אין יאָהר 1898 האָט דיא פארטיי אָנגעפאנגען דיא אויסגאבע פון דעם פּאָפּולער וויסענשאפטליכען דריי מאָנאטליכען אָרגאן, „שוויאטלא" (ליכט). אין יאָהר 1900 האָט אָנגעהויבען צו ערשיינען: דער אויסלענדישער קוריער, אום דיא ארבייטער בעקאנט צו מאכען מיט דעם סאָציאליזמוס און זיינע פאָרטשריטע אין דער גאנצער איבריגער סאָציאליסטישער וועלט. זייט 1901 האָט אָנגעפאנגען צו ערשיינען „דיא פּראָלעטארישע וועלט", א דריי־מאָנאטליכער זשורנאל פיר דיא אידישע גענאָסען ספּעציעל.*)

און נעקסטען יאָהר דער אָרגאן „וואלקא" (קאמפף) ספּעציעל פאר'ן פּראָלעטאריאט אין ליטא און ענדליך פאר דעם ויערן פּראָלעטאריאט דיא „גאזעטא לידאָווא" (פאָלקסצייטונג).

ווען מען בערעכענט, אז דיא אלע אויסלענדישע אויסגאבען מוז מען כסדר איבערשמוגלען דורך א שטרענג אָבגעהיטער גרענעץ, אז צוזאמען מיט דיא אין געהיים ארויסגעגעבענע ליטעראטור מוז מען זיי פערשפּרייטען און פערטהיילען דורך'ן גאנצען לאנד, און אז אין דיזער ארבייט קען מען זיך חלילה ניט בענוצען מיט פּאָסט אין רוסלאנד, נאָר מען מוז אליין איינריכטען עטוואָס עהנליכעס. אָ'ן אייגענע סאָציאליסטישע פּאָסט, וועלכע זאָל זיין, אזוי צו זאָגען, א רואה ואינה נראה פאר יעדען זשאנדארם און פּאָליציאנט — ערשט דאן קען מען קריגען וועלכען־עס־איז בעגריף פון דער אונגעוועהנליכער ארבייט און אנשטרענגונג, וועלכע זיינען טעטהיג, אום צו זעצען אין בעוועגונג דיא גאנצע פּארטיי־אָרגאניזאציאָן.

דעם שכר, וועלכען דיא געטין נעמעזיס טהיילט צו דורך דיא הענד פון דער רוסישער רעגיערונג צו אלע דיא יעניגע, וועלכע בעמיהען זיך אין דער ארבייט ענטוועדער אלס פּארטיי אָרגאניזאטאָרען אָדער אנטהיילנעהמער אין סטרייקס א. ז. וו. איז בקיצור וויא פאָלגט:

אין יאָהר 1895 — זיינען 42 גענאָסען צוזאמען פּעראורטהיילט געוואָרען צו 10 יאָהר קאטאָרגע, 31 יאָהר און 6 מאָנאטען געפענגניס, 77 יאָהר סיביר, 41 יאָהר צפון רוסלאנד און 133 יאָהר אויסווייזונג פון פּוילען.

אין יאָהר 1896 — 11 גענאָסען צו 48 יאָהר קאטאָרגע, 15 יאָהר און 8 מאָנאטען געפענגניס,

*) אויסער דעם האָט אויך דיא פּארטיי אָנגעפאַנגען ארויסצוגעבען סיסטעמאַטיש בראָשורען אין אידיש, פאר דעם אידיש־שפּרעכענדען פּראָלעטאריאט. צייט געשטיגען ביז 25. דיא בראָשורען ענטהאַלטען דיא צאָהל איז דורך דער פערהעלטניס מעסיג קורצער ביאָגראַפיען פון פערשידענע רעוואָלוציאָנערען און פרייהייטס־קעמפּפער, ערקלערונגען איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע, סאָציאליזמוס און אַלגעמיינע אַגיטאַציאָן.

132 יאָהר סיביר, 9 יאָהר צפון רוסלאַנד און 132 יאָהר אויסווייזונג פון פּוילען.

אין יאָהר 1897—54 גענאָסען צו 7 יאָהר און 8 מאָנאַטען געפענגניס, 87 יאָהר סיביר, 18 יאָהר צפון רוסלאַנד און 66 יאָהר אויסווייזונג פון פּוילען.

אין יאָהר 1900 זיינען 9 גענאָסען פּעראורטהיילט געוואָרען צום טויט. דיזען אורטהייל האָט מען דערנאָך געענדערט אויף 10 און 20 יאָהר קאַטאָרגע. אין דעם זעלבען יאָהר האָבען נאָהענט פון 200 גענאָסען געקראָגען הונדערטער יאָהרען געפענגניס און סיביר א. ז. וו.

עס איז זעהר לייכט צו פערשטעהן, אז דיא אויבען אָנגעגעבענע ציפפערן זיינען ווייט ניט פאָלשטענדיג און גענוי. עס איז נאָר א טהייל פון דעם בילד פון פערפאָלגונגען און ליידען, וועלכע זיינען געפאַלען אויף דיא גענאָסען אין דיזען צעהנדליג יאָהר פון דער פּאַרטיי׳ס עקזיסטענץ. אום דיזעס בילד פאָלקאָם צו מאכען, וואָלטען מיר מוזען צוגעבען אלע אין דיזער סטאַטיסטיק פערפעהלטע ציפפערן, אויך דיא פון דיא לעצטע פּאָר יאָהר ביז 1903, וועלכע זיינען ביז יעצט נאָך ניט סיסטעמאַטיש צוזאַמענגעשטעלט; אויך וואָלטען מיר מוזען צורעכנען דיא אונצעהליגע פעללע פון קליינע פערהאַפטונגען אין דער צייט פון א סטרייק, א דעמאָנסטראַציאָן אָדער א לייכענצוג א. ז. וו. ערשט דיא טויזענדער טעג פון דער זאָגענאַנטער „פּראָוויזאָריטער" אָדער „אונטערזוכונגס"־פּערהאַפטונג, יעדען פאַלל פון אָבשיקען איינעם צו זיין געבורטס־פּלאַץ, אָדער סתם דיא אונצעהליגע יאָהרען פון זיין אונטער דער פּאָליציילכער אויפזיכט. מיט איין וואָרט, מאסען ציפפערן, וועלכע וועלען וואהרשיינליך קיינמאָל ניט געזאַמעלט און צונויפגערעכענט ווערען גענוי. און ערשט דאַן, ווען עס זאָל אפילו געלינגען דיזע אלע ציפפערן צוזאַמענצוזוברענגען, וועלען נאָך אלץ דיא טרוקענע צייכענס פון אונצעהליגע יאָהרען געפענגניס און סיביר ניט אימשטאַנד זיין אָנצוצייגען, וויא פיעל מענשליכע לעבענס עס זיינען דורך דער צייט צובראָכען געוואָרען, וויא פיעל טרעהרען פערגאָסען געוואָרען און וויא פיעל עהרליכע האָפנונגען און שטרעבונגען עס זיינען פערניכטעט געוואָרען. און אלץ פאר דעם איינציגען חטא נאָר, וואָס דיא מענשען האָבען געשטרעבט איינצופיהרען אויף דער אונגליקליכער ערד אונזערער גליק און פריעדען פיר אלע מענשען. דיזע טיראַנייען פון דער רוסישער רעגיערונג שרייען צום הימעל הויך נאָך נקמה, און פערגעלטונג, און דער ארבייטער אין פּוילען גראַווירט זיך דאָס טיעף איין אין זיין זכרון, אום דאָס צו געדענקען, ווען דיא צייט וועט ענדליך קומען צו אָברעכנען זיך פאר דיא אלע רציחות.

דיא אלע קרבנות, געבראַכט אויף׳ן אלטאַר פון דער ליידענדער מענשהייט, געהען אָבער ניט פערלאָרען. פערקעהרט, זיי ברענגען הונדערטפאַכיגע פריכטען. דער נייער עוואַנגעליום פון סאָציאַליזמוס טראָגט זיך איבער׳ן גאַנצען לאַנד, און איבעאַל וועקט ער אויף אין דיא מענשען נייע געדאַנקען און שטרעבונגען, פאר׳ן מענשליכען אויג עפנען זיך נייע האָריזאָנטען און וועלטען, עס ווערען געשטאַרקט דער גלויבען, דיא קרעפטען און דיא האָפנונגען אויף א גליקליכער צוקונפט. דיא ערשטע קליינע רייהען פון אַנהענגער פאר׳ן סאָציאַליזמוס ווערען וואָס ווייטער אלץ צאהלרייכער און מאסענהאפטער און דיא פּאַרטיי וואַקסט און ענטוויקעלט זיך.

אין יאָהר 1898 איז דאָס ערשטע מאָל אין דער סאָציאַליסטישער געשיכטע אויפגעפיהרט געוואָרען פון דער פּאַרטיי אין ווארשע א גאַסענדעמאָנסטראַציאָן לכבוד דעם 1טען מאי, דעם אינטערנאַציאָנאלען ארבייטער יום טוב. און זייט דאַן קומען פאָר רעגעלמעסיג מאי־דעמאָנסטראַציאָנען ניט נאָר אין ווארשע, נאָר אויך אין פערשידענע אנדערע שטעט און קליינע שטעטלאך. דיא צאָהל פון דיא דעמאָנסטראַציאָנען ווערט פון יאָהר צו יאָהר אלץ מאסענהאַפטער, דער אויסזעהען פון דיזע ארבייטערציגע אלץ הערליכער און יום טוב׳דיגער. דיא טאַקטיק פון דעמאָנסטרירען פער׳גנב׳עט זיך שטופּענווייז אויך אויף׳ן דאָרף. לעצטעס יאָהר זיינען פאָרגעקומען איניגע אזעלכע מאי־דעמאָנסטראַציאָנען אין דיא דערפער פון פּוילען, וואָס עס ברענגט אונז דיא האַרץ־ערפרייענדע בשורה, אז דער פּוילישער בויער־פּראָלעטאַריאַט פאַנגט זיך אָן ערנסט צו אינטערעסירען מיט דיא אידעען פון זיין ברודער, דעם שטאָדטישען פּראָלעטאַריער.

אום ריכטיג אָבצושעצען דיא גרויסע בעדייטונג פון דיא דעמאָנסטראַציאָנען אין אלגעמיין פאר דער בעוועגונג, דאַרפען מיר זיך ערינערן, אז דיא לעצטע געשיכטליכע גאַסען־דעמאָנסטראַציאָנען זיינען אין פּוילען (ספּעציעל אין ווארשע) פאָרגעקומען אין יאָהר 1862 אין

סאמע ערב פון דעם אויפשטאנד (מיאטעזש). נאטירליך מיינען מיר דערמיט ניט צו בעהויפטען, אז מען דארף דיא יעצטיגע סאָציאליסטישע דעמאָנסטראציאָנען בעטראכטען אלס דיא אָנזאָגער פון א נאָהענטער רעוואָלוציאָן אין פוילען, דאָך דער איינדרוק, וועלכען זיי לאָזען איבער אויף דעם כאראקטער פון דער גאנצער בעוועגונג, איז פיעל עהנליך צו דעם יעניגען, וועלכען דיא אמאָליגע דמאָנסטראציאָנען האָבען דאן ארויסגערופען ביי דער בעפעלקערונג.

ביז יעצט האָט דיא ארבייטער־בעוועגונג, אויף וויפיעל זיא האָט דעמאָנסטרירט אין מאסען, ניט געהאט קיין סיסטעמאטישען כאראקטער. זיא איז געוועזען איינגעשלאָסען אין קליינע קרייזען אָדער אין סטרייקס, ביי וועלכע עס האָבען קיין בעזאָנדערס גרויסע מאסען זיך ניט בעטהייליגט; וועהרענד ערשט פון דער צייט ווען דיא עפענטליכע מאניפעסטאציאָנען האָבען ארויסגעשטופט אויף דער גאס מיט אמאָל מעהרערע טויזענדער ארבייטער, דאמאלס ערשט איז אויף א׳ן אמת געשאפען געוואָרען דיא אָפפענבארע איינהייט פון דער גאנצער בעוועגונג, וועלכע האָט יעדען איינעם געגעבען דאָס געפיהל פון זיין א טהייל פון א ריעזענקראפט.

דיא פ. פ. ס. לייטעט דעם קאמפף, וועלכען דיא בעוואוסטזייענדע ארבייטער פיהרען מיט דעם קאפיטאליסטישען סיסטעם; זיא פאָרבערייטעט דאָס ארבייטער־פאָלק צו דער אונפערמיידליכער רעוואָלוציאָן, וואָס איהר פאָליטישער צוועק איז: צו פעריאָגען דיא רוסישע רעגיערונג פון לאנד און איבערגעבען דיא אבסאָלוטע פערוואלטונגסמאכט אין דיא הענד פון דעם טריאומפירענדען ארבייטער־פאָלק. דיא רוסישע רעגיערונג בעטראכטען מיר פאר אונזער בלוטיגסטען שונא, מיר זעהען אָבער אויך קלאָר פון דער אנדערער זייט דיא ניט וויניגער געפעהרליכע שונאים אונזערע צווישען דיא פוילישע גופא. דאָס זיינען אלע דיא, וועלכע שטערען אויף אלע מעגליכע אופנים דעם פאָלק אין זיין דאָפעלטען בעפרייאונגס־קאמפף פון דער צארישער רעגיערונג וויא פון דעם קאפיטאלס אויסבויטונג, אזוי גוט אויך דיא, וועלכע ווילען דעם קאמפף פאר א כלומרשט׳דיגע פרייהייט אָנפיהרען אויף פאלשע וועגען און מעטהאָדען. דיא פ. פ. ס. פיהרט אלזאָ א קאמפף מיט דיא קאפיטאליסטישע שלום־מאכער וויא מיט דיא נאציאָנאליסטען, מיט דיא קלעריקאלען־חברה אזוי גוט וויא מיט דער אנטיסעמיטען־באנדע.

אין דער ערשטער רייהע דיא שלום־מאכער, דאָס זיינען: דיא רייכע שלאכטע, דיא אינדוסטריעלע קאפיטאליסטען און זייערע שמשים, וועלכע האלטען אין איין פרעדיגען, אז מען דארף זיך צופרידענשטעלען מיט׳ן פאָליטישען שיקזאל וויא ער איז, אז מען דארף לאָזען אזוי פוילען אין דיא הענד פון דער רוסישער רעגיערונג דערפאר, ווייל דיא לעצטע פערטהיידיגט מיט איהרע באיאָננעטען דאָס פריוואט־אייגענטהום פון דיא פוילישע קאפיטאליסטען געגען דיא אָנגריפע פון דער קעמפפענדער פוילישער ארבייטער קלאַסע. דיא „נאציאָנאליסטען“ אָדער דיא זאָ־געאנטע „נאציאָנאל דעמאָקראטען“ אָדער אנדערש נאָך דיא „פאָלק׳ס ליגע“ — אמאָל אמת דעמאָקראטיש — האָבען זיך היינט גענצליך און אָפיציעל אָבגעזאָגט פון אלע רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען — זיי בעשעפטיגען זיך אין זייער פרעסע מיט דעם אויפוועקען און פאנאנדערשפרייטען א פוילען שאָוויניזם און פלייסען זיך רק צו פערדעקען דיא קלאסען־אונטערשיעדען פון דיא קאפיטאליסטען און דיא ארבייטער־קלאסע, אזוי אז צום סוף קומט אלע מאָל דאָך ביי זיי אויס צוצופאסען אלע סאָציאלע אינטערעסען צו דיא אינטערעסען פון דיא בעזיצענדע קלאסען. א טהייל פון דיא קלעריקאלען, וועלכע זיינען אמאָל געוועזען דיא פערביסענסטע שונאים פון דער רוסישער רעגיערונג זיינען היינט געוואָרען איהרע אינטערטהעניגסטע שקלאפען, און דאָס אלעס אויס שרעק און ציטערניש פאר דעם וואקסענדען סאָציאליזמוס. דיא רעליגיאָן ווערט ביי זיי געברויכט אלס מיטעל צו בעקעמפפען דיא סאָציאליסטישע פראָפאגאנדא, און ניט איינמאָל טרעפט, אז אין זייער התמדה העלפען זיי פשוט דיא זשאנדארען אויסצושפיאָנירען דיא סאָציאליסטען. דער אנטיסעמיטיזמוס, אינדירעקט און אָפטמאָל אהן יעדען בעוואוסטזיין פערשפרייט דורך דיא פוילישע און אידישע נאציאָנאליסטען און דירעקט און צוועקמעסיג פראָפאגירט דורך דער רוסישער רעגיערונג, שטרעבט אָנצוצינדען א ראסענפייער צווישען דער קריסטליכער און אידישער בעפעלקערונג אין פוילען, פון וועלכען דיא רעגיערונג ציהט איהרע פערברעכערישע פריכטען. געגען אלע דיא אנטידעמאָקראטישע פאָליטישע פארטייען, געגען אלע דיא שעדליכע און דורכגעפוילטע ריכטונגען, שטעלט ארויס דיא

פּ. פּ. ס. איהר עכט דעמאָקראַטישע און רעוואָ־
לוציאָנערע פּאָליטיק, געשטיצט אויף דעם פּרינ־
ציפּ פון מאָדערנעם סאָציאַליזמוס, דעם קלאַסען־
קאַמפּף.

א דאנק דיזער פערנינפטיגער און ניכטער־
נער שטעלונג איז היינט דיא פּ. פּ. ס. דיא איינ־
ציגע ווירקליכע פאָרשטעהערין פון דעם ארביי־
טער אין פוילען. דאָס פאָלק, ניט אין בעגריף פון
דיא אויבערשטע „צעהן טויזענד" טיטולירטע
און פריווילעגירטע ליידיגגעהער, נאָר דיא גרויסע
מאסען ארבייטער, דיא שאַפּפער פון דעם לאַנד'ס
רייכטהימער און איהר קולטור, ווערט אזוי רע־
פּרעזענטירט פון דער פּוילישער סאָציאַליסטי־
שער פּאַרטיי. דאָס פעלד פון איהר ארבייט און
ווירקונג בעשרענקט זיך ניט נאָר אויף רוסיש־
פּוילען, זאָנדערן פערנעהמט דעם גאַנצען שטח
פון אלע דריי געשיכטליכע טהיילען פּוילען'ס
אין רוסלאַנד, פּרייסען און עסטרייך. אין דיזען
איהרען דאָפּעלטען כאראקטער: אלס פאָרשטע־
הערין פון דעם פּאָלקס בעדירפניסע און אינ־
טערעסען און ארומנעהמענדיג דעם גאנצען אומ־
פאנג פון פוילען איז זיא אזוי דיא אלגעמיין
פוילישע וויא דיא אַלגעמיין נאַציאָנאַלע פּאַרטיי.

דיא פּ. פּ. ס., זייענדיג א נאַציאָנאַלע פּאַר־
טיי, אקוראט וויא עס זיינען נאַציאָנאַל דיא
דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטען, דיא פּראַנצויזי־
שע, איטאַליעניישע, אמעריקאַנער סאָציאַליסטען,
א. ז. וו. שטעהט גלייכצייטיג אויף דעם אינטער־
נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט פון סאָציאַליזמוס,
אנערקענענדיג דאָס פּאָלשטענדיגע רעכט פון
עקזיסטענץ און ענטוויקלונג פון אלע דיא נאַציאָ־
נאַליטעטען, וועלכע וואוינען אויף פּוילען'ס טע־
ריטאָריע. דיא היינטיגע רוסישע אימפּעריי,
דיא גרויסע טורמע אין וועלכער עס שטיקען זיך
אזוי פיעל צעהנדליגע פעלקער, מוז צערפאַלען
אין טהיילען, און אנשטאט דעם מוזען אויס־
וואקסען א גאַנצע רייהע פון אונאבהענגיגע רע־
פּובליקען וויא: פּוילען, ליטא, פינלאַנד, אוקראַי־
נע, א. ז. וו. אין דער פּוילישער רעפּובליק
פון דער צוקונפט וועלען לעבען צוזאמען פּאָלאַ־
קען, ביעלאָרוסען, ליטויער, אידען און רוטענער;
דיא אמאַליגע געשיכטע פון דיזע פעלקער איז
געווען א געמיינזאמע, היינט איז אויך געמיינ־
זאם זייער שיקזאַל און זייערע ליידען. צוזאמען
מוזען זיי אויך דארום קעמפּפען פאר א בעסערער
צוקונפט.

דיזער אינטערנאַציאָנאַלער כאראקטער פון
דעם פּאָליטישען פּראָגראם פּ. פּ. ס. געפינט שוין
היינט זאָגאר איין פּראַקטישען אויסדרוק אין
דער ריין אינטערנאַציאָנאַלער פאָרם פון דער
אנגעפיהרטער אגיטאציאָנס־ארבייט: צו דיא
אידישע ארבייטער ווענדעט זיך דיא פּארטיי
אין אידיש, צו דיא ביעלאָרוסען אין זייער נאַ־
ציאָנאַלער שפּראַך, פּלייסענדיג זיך אזוי אויך
צו בעפריעדיגען דיא גייסטיגע בעדירפניסע פון
דיא נאַציאָנאַליטעטען, וועלכע וואָהנען מיט דיא
פּאָלאקען צוזאמען. דאמיט בעווייזט דיא פּ.פּ.ס.
וויא טיעף און וויא גרינדליך זיא האָט פערשטאַ־
נען דעם אינטערנאַציאָנאַלען כאראקטער פון
דעם סאָציאַליזמוס, פון דיזען „בעפרייער פון
אלע פעלקער": אינטערנאַציאָנאַל איז דער כאַ־
ראקטער פון אונזער אלגעמיינעם ציעל, אינטער־
נאַציאָנאַל מוז דארום אויך זיין דער כאראקטער
פון אונזערע מיטלען, פון דער אגיטאציאָן און
פּראָפּאַגאַנדא. דאָס איז דער הויפּט כאראקטער־
צוג פון דעם סאָציאַליזמוס וויא פערשטאַנען פון
דער פּ. פּ. ס.

צעהן יאָהר פון פערשפּרייטען דעם סאָציאַ־
ליזמוס זיינען שוין פּאַראיבער. דיא גאַנצע
ארבייט, אין קורצען געזאָגט, איז געווען עהשט
„דיא אגיטאציאָן", דאָך דיזע אגיטאציאָן האָט
רעוואָלוציאָניזירט דיא גייסטער פון דיא מאסען.
ווען אָבער דיזע רעוואָלוציאָניזירונג וועט ווערען
א פאָלשטענדיגע און אין גאַנץ פוילען, דאמאלס
ערשט וועט זיא געפינען איהר אויסדרוק אין
דער אומוועקסלונג פון דער פּאָליטישער אָרדנונג
אָדער, בעסער געזאָגט, אונאָרדנונג.

ווען וועט דער פאָרטשריט פון דער אגיטאַ־
ציאָן שוין ערלויבען צוזאמענצונעהמען דיא
קרעפטען און צו אָרגאַניזירען א'ן עפענטליכען
אויפשטאַנד? דאָס איז דיא פראגע, וועלכע
הייבט שוין אָן צו שיינען אויף דעם האָריזאָנט
פון אונזער פּאָליטישער טהעטיגקייט, אויף
וועלכער עס וועט נאָך פיעלייכט דער נעכסטער
צעהנדליג יאָהרען מוזען געבען א'ן ענטשיידענ־
דען ענטפער. פּאָרלויפיג אָבער זיינען צוויי
זאכען זיכער: אז עס ליגט פאר אונז א ים פון
בלוט, וועלכען מיר מוזען אריבערגעהן, ווען מיר
זאָלען אפילו מוזען דערפאר בעצאָהלען מיט
אונזערע לעבענס און אז מיר וועלען ניט אָרגאַני־
זירען קיין רעוואָלוציאָן, ווען מיר וועלען ניט
האָבען קיינע אויסזיכטען צו זיעגען.

סטעפאָן קארסקי.

# א קורצער ענטפער אויף א לאנגען ארטיקעל

א געוויסער גענאָסע אראנסאָן האָט אויף זיך גענומען די מצוה צו פערטהיידיגען דעם „בונד“ און האָט אָנגעשריעבען א לאנגען אנטוואָרט אויף מיין ארטיקעל דיא „נאציאָנאלע פראָגראמע פון בונד“ וועלכער איז ערשיענען אין מאי נומער „צוקונפט“.

איך וואָלט צו איהם גאָר ניט געהאט דאפיר; איך פרעטענדיר ניט צו האָבען דעם גאנצען אמת אָדער דיא גאנצע חכמה ביי זיך אין ארבעל. איך האָב געמאכט איינינגע בעמערקונגען, וועלכע האָבען מיר געשיינט און שיינען נאָך יעצט צו זיין ריכטיג. און אן ערנסטע, זאכליכע דיסקוסיאָן, וועלכע זאָל דיא פראגע שטעלען אין א ריכטיג ליכט, וואָלט מיר געווען זעהר ווילקאָמען, ווען דער רעזולטאט וואָלט זאָגאר געווען געגען מיר.

אין דעם ארטיקעל פון גענאָסע אראָנסאָן קען איך ליידער דיזען ערנסטען און מאנהאפטען טאָן ניט ארויסגעפינען. די גענאָסען וואָס מיינען, אז זיי פיהרען דעם „בונד“, און גענאָסע אראנסאָן שיינט צו זיין איינער פון זיי, אורטהיילענדיג נאָך זיין ברייטען זיין באלעבאָס־מעסיגען טאָן, שיינען צו בעטראכטען יעדע קריטיק געגען דעם „בונד“ אלס פערזענליכע בעליידיגונג, אלס צווייפעל אין זייער אללווייזהייט, און בעהאנדלען דאדורך יעדען איינעם וואָס וואגט צו קריטיקירען זייער „בונד“ אלס א פערזענליכען שונא, פאר וועלכען קיין שטראָף איז ניט צו גרויס. איך בין דאדורך ארויסגעקומען ביי גענ. אראנסאן א פעלשער, אן אבזיכטליכער ליגנער, מיט איין וואָרט: א פערלוימדער. פרעגט, אויף א ציקאוואָסט, דיעזען גענאָסע אראנסאָן, וועלכע אורזאכען האָט דאָס דער יעקב מילך צו פערלוימדען „זיין“ „בונד“ — וואָס נעמט ביי איהם דער „בונד“ אוועק זיין פרנסה, צו וואס? אדרבה, פרעגט איהם דיא פראגע, ס'וואָלט כדאי געווען, צו זעהן וואָסער לאנגען ארטיקעל ער קען אָנשרייבען איבער דיזע „טהעמא“.

איך, פון מיין זייט, ענטזאג זיך צו פּאָלעמיזירען מיט גענאסע אראנסאָן; איך האָב וויכטיגערע ארבייט צו טאָן, ווי זיך ארום צורייסען מיט אראָנסאָנען אָדער אויפצופלאָנטערן זיינע פלאָנטערס, און איך לאָז איהם דעם פארגעניגען צו זיין דער „זיעגער“.

אויף איין זאך וויל איך פון דעסטוועגען אָנווייזען: אראנסאָן'ס גאנצער ארטיקעל איז געבויט אויף דעם, דאָס איך האָב אויסגעטראכט אויף דעם „בונד“ פאלשע בילבולים, דאָס איך האָב דעם „בונד“ מיסרעפרעזענטירט און זאָגאר פערלוימדעט. נאטירליך, אום דאָס צו קענען אויספיהרען, האָב איך זיך געהיט פון ציטירען דעם בונד'ס ליטעראטור. איך מוז זאָגען דעם אמת, אז דעם „בונד“ איז שווער צו ציטירען. עס איז דיא געוואָנהייט פון מענשען, וואָס האָבען ניט קיין פעסטען און זיכערען שטאנדפונקט, צו ריידען א סך און צוגעברויכען ווערטער, וועלכע מען קען אויסלייגען, ווי מען וויל נור אליין, און ווען איהר דריקט צו אזא מענשען צו דער וואנד, דרעהט ער זיך אויס, אז ניט דאָס האָט ער געמיינט. דיא אָפפיציעלע ליטעראטור פון „בונד“ איז גראדע אין אזא צושטאנד. איך האָב דאדורך געזאגט אויף איין אָרט אין מיין ארטיקעל וועגען דעם „בונד“: „דער „בונד“ זאָגט דאָס ניט ארויס, ער שטיקט זיך דערמיט, דאָס רייסט זיך אָבער ארויס פון יעדע שורה“. און אין אמת'ן, ווען איך זאָל וועלען ציטירען דעם „בונד“ וואָלט איך געמוזט איבערשרייבען גאנצע בראָשורען.

אין מיין ארטיקעל וועגען דיא „נאציאָנאלע פראָגראמע פון בונד“ שרייב איך:

דיא אמת'ע פראגע איז ניט: וויא זאָל דיא רעוואָלוציאנערע פארטיי זיין ארגאניזירט, נור וויא זאָל גאנץ רוסלאנד זיין אָרגאניזירט. וויא דער „בונד“ זאָל ניט שרייען, אז ניט דאָס מיינט ער יעצט, אז דיזעס איז ביי איהם א שפעטערע פראגע, קען מען פּוּרט דיא טהאטזאכע ניט אוועקלייקענען“.

„דער „בונד“ געהט אויס פון דעם שטאנדפונקט דאָס אידען זיינען א זעלבסטשטענדיגע נאציאָן, און ער טענה'ט דארום אזוי: אלע סאָציאליסטען זיינען איינשטימיג, אז יעדע נאציאן האָט דאָס רעכט צו פערוואלטען איהרע אייגענע געשעפטען, אידען זיינען א נאציאָן גלייך מיט אלע אנדערע נאציאָנען, האָבען דיא אידען אלזאָ דאָס זעלבע רעכט וויא אלע אנדערע און דיא סאָציאליסטען דארפען זיין דיא ערשטע דאָס אנצוערקענען און נאָך דיזען צו האנדלען“.

אזוי האָב איך מיט מיינע אייגענע ווערטער איבערגיגעבען דעם שטאנדפונקט פון דעם „בונד“ גענאָסע אראָנסאן שרייט: קאראול! דאָס איז ניט ריכטיג, דאָס איז א פעלשונג. לאָמיר זעהן.

אין דעם בעריכט פון 4־טען צוזאממענפאָהר,

אויף דיא זייטען 11־10 פון דער רוסישער אויסגאבע, ערקלערט דער „בונד“ זיין שטאנדפונקט; נאך איניגע אלגעמיינע בעמערקונגען שטעהט דארט ווערטערליך אזוי:

„מיר בעשטעהן אויף פאלשטענדיגע, אלזייטיגע פרייהייט און גלייכ־בערעכטיגונג, און וואס אנבעלאנגט צו נאציאנאלע (פון זיי אונטערגעשטריכען) גלייכבערעכטיגונג, זעהן מיר דיא איינציגע גאראנטיע דאפיר נור אין נאציאנאלע אטאנאמיע, נים אין טעריטאריאלע אונאבהייננגיגקייט“.

דער פירוש דארויף איז, אז דער „בונד“ פערלאנגט ניט, דאס רוסלאנד זאל צוריקצוטיילט ווערען אויף דיא פערשידענע נאציאנען, פון וועלבע זיא איז צוזאמענגעזעצט, ער פערלאנגט אז דיא אימפעריע זאל בלייבען גאנץ, נור יעדע נאציאן זאל האבען איהרע נאציאנאלע רעכטע. דיא פראגע איז אלזא, ווי איך האב געזאגט: „ניט וויא די פארטיי זאל זיין ארגאניזירט, נור וויא רוסלאנד זאל זיין ארגאניזירט“. דאס איז, אגב אורחא, א פונקט מכח וועלכען דיא פוילישע סאציאליסטען האבען עפעס צו זאגען. נור לאמיך ניט פערקריכען. לאמיר לעזען דעם בעריכט ווייטער:

„אלע דיזע אלגעמיינע בעגריפע זיינען אין גאנצען אנגעווענדעט געווארען אויף דעם אידישען פאלק. דער צוזאמענפאהר האט איינשטימיג אנערקענט, דאס דער בעגריף פון „נאציאנאליטעט“ פאסט זיך פאלשטענדיג צו דעם אידישען פאלק. דיא בלומרש'דיגע „וויסענשאפטליכע“ בעווייזע, אז אידען זיינען קיין נאציאנאליטעט, ווייל ביי זיי פעהלען איניגע סמנים דאפיר, האלטען ניט אויס—נאך דיא מיינונג פון'ם צוזאמענפאר—קיין קריטיק“.

דער „בונד“ געהט אלזא ארויס פון דעם שטאנדפונקט, אז אידען זיינען א נאציאן. לאמיר לעזען ווייטער.

„וויא לאנג עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דיא פרינציפיעלע זייטע פון דער פראגע, זיינען אלע צווישען זיך געווען איינשטימיג. ווען מען האט זיך אבער צוגעריהרט צו דיא טאקטישע זייטע פון דער פראגע, אזוי שנעל וויא מען האט גענומען ריידען וועגען דיא פראקטישע אויפגאבען, וועגען דעם, וואסערע ראלע זאל דיא נאציאנאלע פראגע שפיעלען אין דיא פראפאגאנדע און אין דיא פאדערונגען פון'ם „בונד“, איז באלד ענטשטאנען א מיינונגס־פערשיעדענהייט“.

און דיא מיינונגס־פערשידענהייט איז געזוען זעהר אינטערעסאנט. איניגע האבען געטענה'ט אז קוים אנערקענען מיר אידען אלס נאציאן, דארפען מיר פאדערען רעכטע פאר אידען שוין היינט, ניט קוקענדיג דארויף, וואס מען קען ניט ערווארטען דאס צו קריגען פון דער רוסישער רעגיערונג, ווייל צום סאציאליזמוס איז אויך נאך וווייט, און דאך קעמפפען מיר דאפיר. געגען דעם האבען אנדערע פראטעסטירט. א דריטע גרופפע ווידער האט געטענה'ט, אז עס איז נאריש יעצט ארויס צו שטעלען אזעלכע פאדערונגען וועלכע, עס איז זיכער, מען קען ניט קריגען, מען דארף דארום זעהן יעצט נור צו פאדערען גלייכע רעכטע.

פון דיזע אלע מיינונגען איז ארויסגעקומען א רעזאלוציע, וועלכע איז, וויא יעדער איינער קען זעהן, א קאמפראמיס צווישען אלע ריכטונגען. אט איז זיא ווארט פאר ווארט, וויא זיא איז געשריעבען אויף זייטע 14 אין דיא רוסישע אויסגאבע פון'ם בעריכט:

„דער קאנגרעס אנערקענט, דאס נאך דעם זין פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פראגראם איז יעדער סארט אונטערדריקונג פערווערפליך, ניט נור דער דרוק פון איין קלאס איבער דעם צווייטען, ניט נור דער דרוק פון דער רעגיערונג איבער איהרע בירגער, נור אויך דער דרוק פון איין פאלק איבער דעם אנדערען, דיא הערשאפט פון איין שפראך איבער דיא אנדערע“.

„דער קאנגרעס אנערקענט, דאס א לאנד וויא רוסלאנד, וועלכעס איז צוזאמענגעזעצט פון פערשיעדענע נאציאנאליטעטען, דארף אין דער צוקונפט זיך רעארגאניזירען אין א פעדעראציע פון נאציאנאליטעטען מיט פאלשטענדיגע אטאנאמיע פאר יעדע נאציאנאליטעט, אונאבהייננגיג פון דעם, אויף וואסער טעריטאריע זיי וואהנען“.

„דער קאנגרעסס אנערקענט, אז דער בעגריף „נאציאנאליטעט“ איז אנווענדבאר אויך אויף דעם אידישען פאלק“.

„רעכענדיג אבער, אז עס איז ביי דיא יעצטיגע אומשטענדען נאך פריהצייטיג ארויסצושטעלען דיא פאדערונג פון נאציאנאלע אטאנאמיע פאר אידען. געפינט דער קאנגרעס פאר גענוגענד אין דיא געגענווארט צו קעמפפען פאר דיא אבשאפונג פון אלע אויסנאהמס־געזעצע געגען אידען, ניט דורכצולאזען און פראטעסטירען געגען ערשיינונגען פון אונטערדריקונג געגען דיא אידישע נאציאנאליטעט, היטענדיג זיך דאביי ניט אויפצובלאזען דיא נאציאנאלע געפיהלע, וועלכע קענען נור פערדונקעלען דאס קלאססענבעוואוסטזיין פון דעם פראלעטאריאט און פיהרען צו שאוויניזמוס“.

צו דיזען לעצטען פונקט פון זייער פראגראמע האב איך געזאגט אונגעפעהר פאלגענדעס:

דער „בונד“ פאדערט נאך יעצט ניט קיין נאציאנאלע רעכטע פאר אידען, ווייל ער רעכענט, עס איז נאך צו פריה ארויסצושטעלען אזא פאדערונג. נו, אידען זיינען דאך א נאציאן, בעלאנגען דאך דיא אמעריקאנער אידען צו דערזעלבער נאציאן, אין אמעריקא אבער האבען זיי דאך שוין גלייכע רעכטע, ווארום קענען זיי דא ניט פאדערען נאציאנאלע רעכטע? און ווען איהר קומט אזוי ווייט, האב איך געטענה'עט, וועט

איהר זעהן וויא אבסורד דיא פּראָגראַמע פון דעם בונד איז.

איהר ווילט נאָך ציטאַטען, גענאָסע אראָנסאָן ? איך קען זיי אייך געבען מיט א פולע האנד, אבער וואו נעהמט מען צייט און פּלאַץ? לאָמיך שוין פאַר איין וועג אויפמערקזאם מאכען אויף דעם ווידערשפּרוך פון דיא לעצטע עטליכע שורות מיט דיא גאַנצע רעזאָלוציאָן. דאָס, גלויב איך, איז געמאכט געוואָרען צו בעפרידיגען דעם סאָציאַליסטישען געוויסען.

וויא געזאָגט, איך האָב דיזען איינעם פּונקט נור געבראַכט אלס אנטוואָרט אויף דיא בעשולדיגונג אין פערלוימדונג. דער לעזער וואָס אינטערעסירט זיך מיט דיזע פראגע, וועט טאָן גלייך יעצט נאָך א מאָל איבערלעזען מיין ארטיקעל. מיט גענאָסע אראנסאָן וויל איך זיך ווייטער ניט אריינלאָזען, אָבער אין הארצען פערדריסט מיר דיא גאנצע זאַך. איך האָב גערעכענט, אז דיא אויסלענדישע פאָרשטעהער פון „בונד“ זיינען ערנסטערע און צופערלעסיגערע מענער ; אָבער אז זייער אנטוואָרט אויף ערנסטע קריטיק איז שימפּפעריי, זידלעריי און פערדרייאיניסען— דאָס האָט זיך מיך אפילו ניט געחלומ'ט.

דיא ערפאהרונג מיט גענאָסע אראָנסאָן איז פאר מיר אן ענטוישונג. איז גענאָסע אראָנסאָן אן אבשפּיגעלונג פון דעם אויסלענדישען קאָמיטעט פון „בונד“, און איז דער אויסלענדישער קאָמיטעט דאן אן אבשפּיגלונג פון דעם „בונד“, פון דעם אמת'ען „בונד“, דאָרט אין רוסלאנד, פון דעם „בונד“ וואָס קעמפּפט ? איך וויל האָפען, אז ניט, איך וויל האָפען אז גענאָסע אראנסאָן האָט נור אויסגעדריקט א פּערזענליכע מיינונג, אז דער אויסלענדישער קאָמיטעט קען פערטהיידיגען זיין פּראָגראמע אויף א בעסערן אופן. איך וויל האָפען אז דיא גלענצענדע טהעטיגקייט, דער פיינער ענטהוזיאזמוס, דיא גרויסע אפּפער וואָס דער „בונד“ אין רוסלאנד צייגט ארויס זיינען ניט צוליעב, נור צום טראָץ פון דיזער נאַציאָנאַלער פּראָגראַמע.

יעקב מילך.

# נייע ביכער

## מיניקעס' יאָהר־בוך.

פרעגט חנן י. מיניקעס „רעדאַקטאָר און ארויסגעבער פון מינקעס יאהרבוך“ צוליעב וועלכען צוועק ער האָט ארויסגעגעבען דיזען „יאהר־בוך“ ; פרעגט איהם וויא אזוי דאַרף א יאָהר־בוך זיין און ווארום זיין בוך איז ניט א האלביעהרליכער, אדער א צעהן יעהרליכער בוך ; פרעגט איהם ווארום זיין בוך איז „געווידמעט דעם 200 יעהריגען יובילעאום זייט דיא ערשטע אידען האָבען זיך בעזעצט אין ניו יאָרק“ און ניט געווידמעט צו יציאת מצרים אָדער מתן תורה, אָדער דעם חורבן פון בית שני אדער גזירות ת"ח וכדומה, פרעגט איהם דיזע אלע זאכען און, איך בין זיכער, ער וועט ניט וויסען וואָס צו ענטפערען. דאָס „יאהר־בוך“ גופא גיט קיין אנטוואָרט אויף דיזע פראגען. טאָמער מיינט איהר: פרנסה! א איד זוכט פרנסה —ווערט ער „רעדאקטאר און ארויסגעבער“ — דאָס וואָלט שוין געווען א שטיקעל תירוץ, הגם עס וואָלט אונז נאָך אלץ ניט קלוג געמאכט ווארום ער רופט זיין ארויסגאבע „יאהר־בוך“, איז אָבער דיא מעשה ניט אזוי, ווייל ווען עס זאָל זיך האנדלען מכח פרנסה, האָט ערשטענס מיניקעס אנאנדער פרנסה, און צווייטענס, וואָלט ער געקענט מאכען מעהר געלד אויף אנאנדער אופן.

אָט וואָס הערר מיניקעס שרייבט אין דיא פאררעדע פון „רעדאקטאָר צו דיא לעזער“.

„אין דיזען יאהר־בוך געפינען זיך אזעלכע גרויסע ארטיקלען, וועלכע זיינען ווערטה געדרוקט צו ווערען אין בעזונדערע ביכער : דיא היסטאָריע פון אמעריקא איז א פאלשטענדיגעס ווערק, דיא היסטאָריע פון דיא אידען אין אמעריקא איז א ווערק, וואָס איז איין איינציגע אין איהר פאך און איז נאָך ביז יעצט ניט אונטערגענומען געוואָרען פון קיין אידישען שרייבער. דיא כראָנאָלאָגיע פון דיא אידישע געשיכטע, דער געזעץ־בוך א. ז. וו. זיינען געשריעבען פון פאך־מענער. ווען איך וואָלט דיזע זאכען געדרוקט אין איינציגע (בעזונדערע?) ביכער וואָלט איך געקענט ארויסנעמען פון זיי זעכס מאָל אזוי פיעל אלס דעם קליינעם פּרייז (25 סענט) וואָס איך האָב געשטעלט אויף דיזען יאָהר־בוך“.

דיזעס איז אין א געוויסען זין ריכטיג. דיא אויבענדערמאָנטע ארטיקלען, און ספּעציעל דיא כראָנאָלאָגיע, צוזאַמענגעשטעלט פון הערר ווייערניק, זיינען ווירקליך בעלעהרענד און אינטערעסאנט, און ווען חנן י. מיניקעס וואָלט זיך צופרי־

דען געשטעלט צו זיין נור דער ארויסגעבער און ניט דער „רעדאקטאָר“ פון זיי, וואָלט ער ווירקליך געקענט ארויסנעהמען אָדער, בעסער, ארייננעמען זעכס מאָל אזוי פיעל. ווארום הערר מיניקעס האָט דאָס ניט געטאָן, איז פאר מיר א רעטענים און א גרויסער פערדרוס.

א פערדרוס איז דאָס פאר מיר צוליעב פאָלגענדען: ווען חנן י. מיניקעס וואָלט דיזע זאכען ארויסגעגעבען אין בעזונדערע אויסגאבען, וואָלט פיליפּ קראנץ, למשל, ניט געווען גענויטהיגט אריין צו שפּארען דיא גאנצע אמעריקאנער היסטאָריע, פון פאר קאָלומבוס ביז דעם טויט פון מעק־קינלי מיט א ;גפשר א דוצען בילדער אין וואסערע 17 געדרוקטע זייטען, און דאן וואָלט עס אפשר גיווען א פאָלשטענדיגעס ווערק, וועהרענד יעצט איז דאָס ווערק זעהר אונפאָלשטענדיג; א. טאנענבוים וואָלט אונז אפשר געגעבען דאָס פערשפּראכענע בוך וועגען דיא רוסישע אידען אין אמעריקא, אויב ער קען איבערהויפּט שרייבען אזא בוך, נעמענדיג אין אנבעטראכט, אז קיינער האָט אזא בוך נאָך ניט געשריבען, און אז טאנענבוים קען נור שרייבען דאָס וואָס אנדערע האָבען פריהער געשריעבען...

אויסער דיזען וואָלט אונז הערר מיניקעס איינגעשפּאָרט צו לעזען א גאנצען בארג מיט שונד און וואָלט ניט געהאָלפען פארשווארצען דאָס פּנים פון דער אידישער ליטעראטור.

און אז אין דעם זשורנאל איז דאָ שונד, וועל איך אייך בריינגען א ראיה פון א מענשען אין וועמעס אויפריכטיגקייט איהר קענט ניט צווייפלען.

זיין „ווערטעהר קאָללעגע“ און „פּראָפעסאָר“ געצעל זעליקאָוויץ שרייבט אין „מיניקעס יאָהר־בוך“ אן ארטיקעל איבער „דיא אידישע צייטונגען אין אמעריקא“ און אָט איז איין שטראהל פון זיין „רעגען־בויגען אין טינטער“:

„דער זשורנאליסט פון דיא פרומע ארטהאדאקסישע צייטונג וואָס פּרעדיגט יודענטהום און דער זשורנאליסט פון דיא ראדיקאלע בלאט וואָס פּרעדיגט סאָציאליזם אָדער אנארכיזם, דער רעאליסטישער סקיצען שרייבער און דער אלט־מאָדישער שונד־שרייבער — זוי אלע בעגעגנען זיך אויף איין איינציגע פּלאטפאָרמע פון אחדות, און דיזע פּלאטפאָרמע איז דער זשורנאל וואָס ווערט „רעדאקטירט פון מיניקעס“.

און זעליקאָוויץ מיינט דאָס גאנץ ערנסט, דאָס איז ניט איינס פון זיינע געוועהנליכע וויצען, ער שרייבט דאָס אלס א מעלה פון מיניקעס זשורנאל.

איהר זעהט אלזאָ, אז דאָרט פעלט ניט קיין שונד. דער גאנצער אונטערשיעד פון מיר ביז דיזען עדות איז נור, וואָס ביי מיר איז דער „זשורנאליסט וואָס פּרעדיגט יודענטהום“ אויך אריינגערעכענט צווישען דיא שונד־שרייבער. בעווייזע צו דיזען דארף מען ניט ווייט זוכען, מיניקעס „יאהר־בוך“ איז א לעבעדיגער עדות. עס איז איבערהויפּט א מערקווירדיגע ערשיינונג אין די אידישע ליטעראטור, אן ערשיינונג וואָס מען זעהט ניט אין קיין אנדערע ליטעראטור, דאָס אלע פעהיגע און טאלאנטפאָלע שרייבער, מיט אייניגע אויסנאהמען, געפינען זיך אויף די ליבעראלע זייטע, „צווישען דיא גנאָסען“, וויא זיי זאָגען; און אלע שונד שרייבער, אלע פינסטערלינגע געפינען זיך צווישען „דיא אָרטהאָדאָקסישע זשורנאליסטען וואָס פּרעדיגען יודענטהום“. עס איז גענוג איבערצולעזען דעם זעלבען ארטיקעל פון דעם דערמאָנטען „פּראָפעסאָר“, איבערצוקוקען זיין ליסטע פון דיא פערשיעדענע זשורנאליסטען, פּאעטען און סקיצען־שרייבער, זיי אוועקצושטעלען יעדען אין זיין לאגער, מען זאָל זיך איבערצייגען אין דיא ריכטיגקייט פון דיזע בעהויפּטונגען. נאטירליך זיינען דאָ אויסנאהמען, אבער מיר שיינט, אז דיזע אויסנאהמען וועלען זיך בעדאנקען פאר דעם טיטול: „זשורנאליסטען וואָס פּרעדיגען יודענטהום“.

צווישען „דיא זשורנאליסטען וואָס פּרעדיגען „יודענטהום“ איז יאָהאן פּאליי אָהן צווייפעל, דער פעהיגסטער; עס איז אָבער גענוג איבערצולעזען זיין ארטיקעל אין דעם „יאהר־בוך“ מען זאָל ארויסזעהן דעם שונד־שרייבער, דעם שרייבער וואָס זעהט זיך נור צו פערנעהמען ברייט מיט הויכע פראזען, מיט א סך ווערטער, וואָס קימערט זיך אָבער ווייניג וועגען דעם אינהאלט און נאָך ווייניגער וועגען דיא וואהרהייט.

„ווען דער רעדאקטאָר פון דעם יאָהר־בוך, אזוי דערציילט הערר פּאלייא אין זיין ארטיקעל, „אין שמאָט אָדער אין שטעטעל“, “האָט מיך איינגעלאדען צו שרייבען א לייטענדען ארטיקעל פאר זיין גרויסע אויסגאבע, בין איך געבליעבען שטיין און האָב זיך געפרעגט:

„וואָס איז דיא וויכטיגסטע אידישע פראגע? וואָס איז דיא פראגע, וועלכע איז ניט פיר א טאָג און ניט פיר א וואָך און אויך ניט פיר א מאָנאט, נור פיר א יאָהר און א גאנצען יאָהר־הונדערט?“

וויא איהר זעהט, האָט הערר פּאלייא ריכטיג פערשטאנען דיא אויפגאבע פון דעם יאהר־בוך, און, מען מוז צוגעבען, ער האָט דיא אויפגאבע בעסער פערשטאנען פון דעם רעדאקטאָר. ער פערנעהמט זיך גאנץ ברייט; ער געהט לייזען א פראגע פיר „א גאנצען יאהרהונדערט“. און צו לייזען דיא פראגע איז ביי איהם גאָר ניט שווער, דיא גאנצע שוועריגקייט ליעגט נור אין דעם, אויסצוגעפינען וואָס דיא פראגע איז.

„וואָס איז אלזאָ דיא וויכטיגסטע אידישע פּראַגע“? אדרבה, טרעפט! איהר מיינט ציוניז־

מום ? ניט געטראָפען ! „ציוניזמוס איז א גרוי־
סע און א וויכטיגע פראגע, זיא איז אבער קיין
נייע און אויך קיין ברענענדע“, „אידען האָפען
אויף ציון שוין צוויי טויזענד יאהר“... און ער
וועט עס נאָך טהאָן און טהאָן זאלאנג ער איז
א איד. דיא פראגע קען אלזאָ ווארטען ביז—דעם
נעקסטען יאהר־בוך ; מיינט איהר אפשר רעלי־
גיאָן ? אויך א טעות. דיא אידישע רעליגיאָן פאסט
אויף זיך אליין אויף. „מעגען קומען צייטען“,
זאָגט פאלייא „ווען מען וועט קיין רעליגיאָן ביי
אידען ניט זעהן, מעגען קומען רעפאָרמען, אי־
דעען און אמונות אָהן א שיעור, א פונק פון ריי־
נעם אידישען גלויבען בלייבט אימער אין דעם
אידישען הארץ“, אלזאָ דיא אידישע רעליגיאָן
קען מען דערוויל אוועק לייגען.... אפשר איז
גאָר דיא סאָציאלע פראגע דיא וויכטיגסטע ? אָ,
יאָ, דיא סאָציאלע פראגע איז טאקע זעהר וויכ־
טיג, אבער קיינער קען ניט בעווייזען“, זאָגט ער,
„אז זיא איז ענטשטאנען מיט דיא נייע אידישע
אומשטענדען“, דאָס איז אן אינטערנאציאָנאלע
פראגע, פערשטייט איהר מיך, און ער פּרעדיגט
נור יודענטהום. „וואָס אלזאָ איז דיא ברענענדע
פראגע, וואָס איז ניי (נאָר וואָס פון דיא נאָדעל)
און וועט דאָך לאנג בלייבען ביי אידען ?“

איהר וועט ניט טרעפען, איהר זאָלט זיך
אפילו אויף דעם קאָפּ שטעלען. יאהאָן פאלייא
האָט עס אויסגעפונען און דאָס איז—דיא איינ־
וואנדערונג !

וויא געפעלט אייך דיזע באָמבאסטישע שריי־
בעריי ? בערעכענט נור: הונדערטע טויזענדע,
ניין ! מיליאָנען אידען גלויבען, אז דיא איינציגע
ישועה פאר זיי איז ציוניזמוס, — צו זיי האָבען
רעכט צו ניט איז אנאנדער פראגע — גענוג איז,
זיי גלויבען דאָס אזוי לאנג וויא אידען וועלען
זיך ניט בעזעצען אויף זייער אייגען לאנד אין
ארץ ישראל, וועלען זייערע רדיפות ניט אויפ־
הערען, און קיינע איינוואנדערונג און קיינע
אויסוואנדערונג וועט זיי ניט העלפען — דאָס,
זאָגט פאלייא, איז ניט וויכטיג; מילאָנען,
צעהנדליגע מיליאָנען מענשען דענקען און האָפען
און בעווייזען, אז די סאָציאלע פראגע איז דיא
איינציגע און דיא ערשטע וואָס מוז געלייזט ווע־
רען אום אלע רדיפות זאָלען אויפהערען —דאָס
איז ביי איהם ניט קיין ברענענדע פראגע. דיא
איינציגע פראגע „פיר א גאנצען יאָהר־הונדערט“,
זאָגט ער, איז דיא איינוואנדערונג קיין אמערי־
קא. זאָל זיין אזוי. מיר וועלען מיט איהם ניט
שטרייטען. וואָס זשע האָט ער צו זאָגען צו דיזע
געוואלדיגסטע פון אלע פראגען ? אָ, זעהר פיעל!
נעמליך, אז דיא אידען וואָס קומען דאָ אהער,
זאָלען ניט בלייבען אין דיא גרויסע שטעט, זיי
זאָלען זיך צו פאהרען אין דיא קליינע שטעטלעך,
און ווערען שאכער־מאכערם ; דאן וועלען קומען
ישועות ונחמות אויף אידען. אָט וואָס הייסט
„דער בארג האָט געבוירען א מויז“. אָט וואָס
הייסט שרייבען שונד, אָט וואָס הייסט זיך פער־
נעמען מיט גרויסע פראזען, ריידען א סך און
זאָגען גאָר ניט. נאָך מעהר. הערר פאלייא האָט
גאָר ניט געוואוסט, אז ער האָט געשריעבען א
שטיקעל „סאָציאלע פראגע“, נאטירליך מיט דעם
קאָפּ אראב.

און דאָס איז דאָס שיינדעל פון דיא „יוד־ענ־
טהום'ס זשורנאליסטען“ — וואָס קענט איהר
שוין ערווארטען פון דיא קלענערע שטערן אויף
שרהזאהן'ס הימעל ?

אין א זשורנאל וואו עס בעגעגענען זיך אויף
איין פלאטפאָרמע „דער רעאליסטישער סקיצען
שרייבער מיט דעם אלט־מאָדישען שונד שריי־
בער“ קענען ניט פעהלען, דאָס פערשטייט איהר
שוין אליין, אונזערע אלטע בעקאנטע שמר און מ.
זייפערט להבדיל; און חנן י. מיניקעס „רעדאק־
טאר און ארויסגעבער“, האָט זיי אויך ניט פער־
געסען ; זיי האָבען אין דעם „יאהר־בוך“ א בריי־
טען אויבען־אָן. ניט לאנג צוריק האָט שמר גע־
וואָלט בעווייזען, אז ער איז א גרויסער שרייבער
מיט דעם וואָס ער קריגט מעהר געלד פאר זיין
שרייבעריי וויא יעדער אנדער שרייבער. איך
ווייס ניט וויפיעל שמר האָט בעקומען פאר זיין
„חאצקאל נאָז“ אין דעם „יאהר־בוך“, אָבער אז
ער איז ווערטה פיעל געלד, איז ביי מיר קיין
צווייפעל: צו נעמען א „העכסט אינטערעסאנטען
ראָמאן“ מיט אלע ניסים וואָס שמר קען אָנשריי־
בען, מיט דעם שלעכטען פרנס חודש, מיט דעם
אפיקורוס וואָס האָט קיין גאל, מיט דעם רב און
מיט דעם שטאָט־נאר, מיט אינטריגעס, מיט ביל־
בולים, מיט אימפּאָרטירטע וואזאָנעס, מיט א
שלעכטען סוף פאר דעם שלעכטען און ששון
ושמחה פאר דעם גוטען, מיט א חופה צום סוף;
מיט איין ווארט: צו נעמען אזא „העכסט איינ־
טערעסאנטען ראָמאן“ וועלכער האָט אין דיא
אלטע גוטע צייטען פערנומען 2 אָדער גאָר 4
טהייל, און דאָס „ארייינשרייבען“ אין עטליכע
בלעטלעך איז א גרויסער „קונץ“ און איז ווערטה
פיעל געלד — פון עקאָנאָמישען שטאנדפּונקט.
פּארט אמעריקא גנב ! דאָס שפּאָרען פון ארבייט
האָט גאר קיין שיעור ניט.

מ. זייפערט איז ארויסגעטרעטען אין א נייע
ראָלע. אויף דער עלטער איז ער געוואָרען א בעל
תשובה, ער קען מעהר קיין „דבר אחר“ ניט פער־
טראָגען, און אין דיא אידישע טהעאטערע, זאָגט
ער, וויא ער קומט נור אריין, „דערשפּירט באלד
זיין נאָז דעם גערוך פון דבר אחר“. דאָס איז א
שטיקעל פּראָגרעס. איין טריט ווייטער פון דיא
„טהרת המשפחה'ניקעס“; אויפצופּאסען אויף
טהרת המשפחה לאָזט ער פאר אנדערע, ער זוכט
אידען אין טהעאטער און קען ניט געפינען. דער

„אידישער קעניג ליער" אפילו איז ביי איהם קיין
איד ניט, ער דארף אידען, אידישע אידען, אזעל־
כע וויא מען זעהט אין דעם „יידישען טאגע
בלאט". איך האָב מורא, הערר זייפערט, איהר
וועט זיך שוין אליין מוזען נעמען צו רעפאָרמי־
רען דעם טהעאטער; פון דיא יעצטיגע טהעאטער
שרייבער וועט גאר קיין גוטס ניט ארויסקומען;
אזא כשרה אידענע, למשל, וויא אייער „געלע מיט
דיא לאטקעס" וועלען זיי קיין מאָל אויף דער
ביהנע ניט ארויפברייננגען, און, איין גאָט ווייס,
זיא וואָלט דארט געמאכט גוטע געשעפטען; פרי־
שע לאטקעס צו דעם „דבר אחר" וואָלט ניט גע־
ווען קיין שלעכט געשעפט.

דער זשורנאל איז ניט אויסגעפיהלט אין
גאנצען מיט שונד. וויא שוין געזאָגט, זיינען
דאָ גאנץ אינטערעסאנטע ארטיקלען. אונזערע
בעסערע שרייבער זיינען דאָרט אויך פערטרע־
טען, מיר האָבען דאָרט סקיצען, פאָעזיען און
ארטיקלען פון ל. קאָברין, י. גאָרדין, א. ליעסין,
מאררים ראזענפעלד, הארקאווי, מ. קאַטץ
א. ז. וו. אבער אפילו דיזע שרייבער האָבען פאר
דעם „יאהרבוך" געגעבען ווייט ניט זייער בעס־
טעס, און, וואָס איז וויכטיגער, זיי גיבען ניט
דעם טאָן אין דעם „יאָהר־בוך", דעם טאָן גיט דאָרט
דאָס „יידענטהום". דאָס „יידענטהום" איז
דאָרט וואָס דיא דיספעפסיע קאטלעטען אין דיא
ביליגע רעסטאָראנען, דיא בעסערע שרייבער
דיענען צו בעשיינען דעם טיש, און, וויא גע־
וועהנליך, זיינען דיזע זאכען אויך פון א בילי־
גען סאָרט.

וויא דער לעזער קען זעהן, האָב איך זיך
מיט דעם „יאהר־בוך" בעגאנגען ניט וויא מיט
א בן יחיד. איך וואָלט פון דעסטוועגען ניט וויג־
שען, אז דיא אויסגאבע זאָל מעהר ניט ערשיינען.

הערר מיניקעס האָט אנגעווענדעט א סך
ארבייט, ער האָט אויסגעגעבען פיעל געלד און
האָט ארויסגעגעבען א גרויסען בוך פאר א קליי־
נעם פרייז. פאר דיזעלבע געלד וואָס דער בוך
קאָסט, ווען מען זאָל זיך נעהמען צו דיא ארבייט
מיט פערשטענדנים און קענטניס, וואָלט מען גע־
קענט ארויסגעבען א בוך וואָס זאָל ווירקליך זיין
א צירונג. דיא פערשטענדנים אָבער מוז הערר
מיניקעס ערשט לערנען. ער מוז לערנען, אז א
יאהר־בוך איז ניט גלאט א צוזאמענמישעכץ פון
ארטיקלען, וועלכע גאָט שיקט צו; א יאהר־בוך
האָט בעשטימטע פאָדערונגען, מוז האָבען א
פלאן, אן אויפגאבע און א צוועק; ער מוז פאר
אלעם זיך בעשעפטיגען מיט דיא וויכטיגע פרא־
גען פון דעם יאהר, אין וועלכען ער ווערט
ארויסגעגעבען — א יאהר בוך פון 1904 למשל,
וואָלט זיך געמוזט בעשעפטיגען מיט דיא יאפּא־
ניש־רוסישע מלחמה, א יאהר בוך אין אמעריקא
מוז זיך היי־יאהר בעשעפטיגען מיט דיא פּאָלי־
טישע פראגע און לאגע. און ווען דאָס איז נאָך א
אידישער יאהר בוך, וואלט ער זיך געמוזט בע־
שעפטיגען מיט די „יודען־פראגע", די פּאָגראָמען
אין רוסלאנד, דעם ציוניזמוס און זאָגאר דעם
„בונד". פון דיזען אלעם און נאָך אנדערע זאכען
איז אין „מיניקעס יאהר־בוך" קיין זכר ניטאָ.
הערר מיניקעס מוז נאָך אויך לערנען, אז צווישען
„דעם רעאליסטישען סקיצען שרייבער און דעם
אלטמאָדישען שונד שרייבער" קען קיין אחדות
ניט זיין; ער מוז לערנען... ער מוז נאָך פיעל
לערנען און דאן, מיט דער ענערגיע וואָס ער האָט,
וועט ער אפשר ארויסגעבען א ווירקליכעס יאהר־
בוך.

יאם.

דיא „צוקונפט פרעס פעדעריישאָן" דריקט
היערמיט אויס איהר דאנקבארקייט צום ארביי־
טער רינג, ברענטש 12 פילאדעלפיא, פיר
זייער טרייהייט און איבערגעבענהייט צו דיא
„צוקונפט" אָברופענדיג זיך צו יעדער צייט ווען
עס איז נויטהיג זייער הילף, אויך האָפען מיר
דאָס דיא פריינדע פון „דיא צוקונפט" אין
פילאדעלפיא וועלען טרייען און העלפען מאכען
א סוקסעס דעם אונטערנעהמונג וואָס דער
ארבייטער רינג ברענטש 12 אין פילאדעלפיא,
אראנזשירט צו גונסטען פון „דיא צוקונפט"
אויף פרייטאָג דעם 20טען יאנואר, 1905.

קוויטירונגען פון דיא ערהאלטענע געלד פיר קאָפּיעס פון אָרגאַניזאַציאָנען פון 15טען סעפּטעמבער ביז 15טען אָקטאָבער.

בר. 1 ארב. רינג ניו יאָרק 10.00
ב״. 4 ארב. רינג, ברוקלין 1.50
בר. 7 וועסט האָבאָקען 9.00
בר. 8 ארב. רינג ניויאָרק 1.25
בר. 9, באַלטימאָר — 8.69
בר. 12 פילאַדעלפיא — 2.50
בר. 13 פּעטערסאָן — 7.50
בר. 16 ארב. רינג, סומיט 2.40
בר. 19 אר. רינג סיראַקיוז 5.00
בר. 21 ארב. רינג ניובורג 1.50
בר. 25 אר. רינג ברוקלין 1.50
בר. 26, וואטערבורי — 10.12
בר. 27, ראָטשעסטער — 12.18
בר. 30, פּעטערסאָן — 6.60
בר. 32 אר. רינג שיקאַגאָ 4.00
בר. 33 אר. רינג, באָסטאָן 2.00
בר. 35 אר. רינג ניויאָרק 1.00
בר. 37 אר. רינג ניויאָרק 4.72
בר. 38 אר. רינג ניויאָרק 5.75
בר. 39 ארב. רינג ארשער 1.00

בר. 40 אר. רינג ניויאָרק 1.50
בר. 41 אר. רינג אנסאָניע 50
בר. 42 ארב. רינג ניוארק 1.50
בר. 43 ארב. רינג נויארק 5.00
בר. 44 ארב. רינג נויארק 6.95
בר. 46 ארב. רינג לינן 2.50
בר. 48 ברידזשפּאָרט — 5.59
בר. 54 ארב. רינג נויאָרק 2.30
בר. 55 ארב. רינג נויארק 1.25
בר. 56 ארב. רינג נויארק 1.00
בר. 59 הארטפאָרד — 3.00
בר. 60 סט. לואיס — 4.82
בר. 63 קענזעס סיטי — 3.00
בר. 66 ארב. רינג נויארק 1.00
בר. 68 ארב. רינג נויארק 3.06
בר. 71 ארב. רינג נויארק 2.00
בר. 72 ארב. רינג נויארק 6.50
בר. 73 אר. רינג קעמדען 3.48
בר. 75 אר, רינג ניויארק 1.50
בר. 77 אגוסטאַוועער — 1.50

בר. 80 ניקאָליעווער — 75
איוויער פּראָגרעסיוו — 3.00
בונד ברענטש באָסטאָן 3.75
בונד בר. באַלטימאָרע 5.00
בונד בר. פּעטערסאָן — 3.25
ברעזינער פעראיין — 1.50
בוטענער — — — — 1.00
האָמליער רעוואָל. — 50
ניטערס יוניאָן — — 1.25
סינסינעטער ברענטש 1.05
סאָצ. פּראָפּ. קלוב באלט. .50
סאָצ. ליט. סאָס. ניויאָרק 1.20
סובאלקער יונג מען — 1.00
עלים. גראדער פּראָג. — 1.25
פּראָג. וואָירקינג מען — 1.60
פלאָצקער פּראָגרעסיווע 1.25
פועלי ציון — — — 1.50
קאָוונער עמיג. אינט. 1.00
שקלאָווער יונג מען — 1.25

פאָלגענדע נייע אָרגאַניזאַציאָנען האָבען דיעזען מאָנאַט אָנגעפאנגען נעהמען קאָפּיעס „צוקונפטס“ פאר זייערע מיטגליעדער:

אַרבייטער רינג בר. 45, פּיטסבורג.

אַרבייטער רינג בר. 78, סינסינעטי.

ארבייטער רינג בר. 82, ניו יאָרק.

עליסאַוועטגראדער יאָנג מענס, נ. י.

סוואַלקער יאָנג מענס, ניו יאָרק.

פאָלגענדע סובסקרייבערס זיינען געבעטען אריינצושיקען אין אָפיס פון דער „צוקונפט“ זייערע ריכטיגע אדרעסען, ווייל זייערע קאָפּיעס זיינען געבליעבען ליעגען אין דיא פּאָסט אָפּיסעס צוליעב דיא אדרעסען וואָס זיינען ניט ריכטיג:

**טשיקאַגאָ.**

א. אָגוס, 168 ארטיזיאַן סט.

מ. קאַטצמאַן, 189 וועסט 12טע סט.

מ. ב. מילסאָן, 415 סויטה האָלסטעד סט.

דזש. נוימאַן, 404 הערריסאָן סט.

**פילאַדעלפיא.**

פ. אקסעלראָד, 443 נאָרטה 4טע סט.

א. שמוקלער, 428 מאָנראָע סט.

ה. מאַגוליענסקיע, 518 וואַרטינאַט סט.

רובין, 906 סיגעל סט.

**באָסטאָן.**

א. פינקס, 1 קאוסעוויי סט.

ה. גאָרדאָן, 7 פּאָפּולאַר סט.

מיס ל. ווייס, 137 הענדעקאט סט.

**הארטפאָרד.**

נ. גאָלדבערג, 119 נאָרטה סט.

ב. רעמאַן, 119 נאָרטה סט.

**דזשווירזי סיטי.**

ה. קאהן, 410 צענטראל עווענױ.

**ברוקלין.**

ס. שאַפּירא, 101 דעקאלב עווענױ.

**נוארק.**

דזש. קרעמאר, 280 ברום סטריט.

**פּעטערסאָן.**

מ. באַמאַן, 60 גאַרווין סטריט.

**ניו־הייווען.**

ה. קרעמער, 15 ספּרוס סטריט.

**ראָטשעסטער.**

ל. גאָלדמאַן, 7 סטעפהאַני פּלייס.

דיא סובסקרייבערס וואָס קריעגען ניט דיא „צוקונפט“ אין צייט זיינען געבעטען צו מעלדען אונז דורך א פּאָסטיל קארד געשריעבען אין ענגליש — אום צו קענען מאכען א קאָמפּליין אין פּאָסט אָפּיס. מענעדזשמענט „צוקונפט“.

**ערהאלטען פיר שערס**

| | | | |
|---|---|---|---|
| באָריס טהאָמאַשעווסקי 3 שערס | $15.00 | ראדיקאל סוירקעל דעטראָיט 1 שער | 2.50 |
| ה. ניומארק, ניו יאָרק 1 שער (2טע) | 5.00 | פּראָגרעסיוו וואָירקערס 1 שער | 2.00 |

# דיא צוקונפט פיר 1905

צום פיערטען יאָהר טרעט שוין דיא „צו־קונפט“ ארויס אין דער וועלט אלס א זעלבסט־שטענדיגער זשורנאל אויף א פעסטען באָדען, אלס א ווירקליך וויסענשאפטליך סאָציאליס־טישע און אויך ליטעראַרישע מאָנאַטשריפט, אלס א פּראָגרעסיווער און פרייער אָרגאַן אין העכסטען זינען פון דיעזען וואָרט. שווער און פיינליך איז געוועזען דער אָנפאַנג, אָבער דיא אָנשטרענגונגען און אָפּפער זיינען ניט געבליע־בען פערלאָרען, און דאָס קינד איז שנעל גע־וואקסען און האָט זיך געשטארקט.

דיא „צוקונפט“ האָט פערנומען אן עהר־ליך פערדיענטען פּלאַץ אין דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור, און דיעזען פּלאַץ וועט זיא אויך ווייטער מיט עהרע האַלטען. זיא גרופּירט יעצט ארום זיך דיא בעסטע און ערנסטעסטע אידישע שרייבער ניט נאָר פון אמעריקא, זאָנדערן אויך פון אייראָפּא, און מיר האָפען, אז דיא צייט איז גאָר ניט ווייט, ווען זיא וועט זיין דער איינ־ציגער סאָציאליסטישער זשורנאל אין זשארגאָן ניט בלויז דערפאר, ווייל קיין אנדערער איז נאָך ניטאָ, זאָנדערן ווייל קיין בעסערער וועט ניט קענען זיין.

מיט שטאָלץ קוקען מיר אויף דיא פערגאַנגענהייט און מיט מוטה בליקען מיר אריין אין דער צוקונפט פון דער „צוקונפט“. וועגען אונזער פּראָגראַם קען דער לעזער אורטהיילען נאָך דיא ארטיקלען, וואָס זיינען ביז יעצט ער־שיענען, און וואָס דיא „צוקונפט“ וועט זיין דעם קומענדען יאָהר, קען דער לעזער שליסען נאָך פאָלגענדע פערשפּראָכענע ארטיקלען:

אל. הארקאווי — דיא ענטשטעהונג פון תלמוד.
דר. אב. קאספּע — 40 יאָהר נאָך דארווין.
י. גאָרדין — דיא גרויסע וועלט דראַמא (פאָרטזעצונג).
דר. ה. זאָלאָטאראָף — איבער ניטשעס פילאָזאָפיע.
מ. ליאָנטיעף — טהעאטער און לעבען, (איין איבערבליק איבער דיא פּיעסען וועלכע ווערען אויפגעפיהרט אויף דער אידישער ביהנע ספּעציעל, און איבער דראַמא אין אלגעמיין).
דר. י. אָרטמאַן — סאָציאַליזמוס און עטהיקס.
" " — דיא סאָציאַלע בעוועגונג אין 19טען יאהרהונדערט.
י. מילך — פּראָגרעסיווע שטרעבונגען ביי אידען.
פ. קראַנץ — דיא נייע שטרייט פונקטען אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.
" " — דיא אידישע מיטהאָלאָגיע. (נאָך דיא נייעסטע קולטור געשיכטליכע נאָכפאָרשונגען).
" " — דיא פּאָליטישע עמאַנסיפּאַציאָן פון אידען און איהרע פּאָרקעמפּפער (געשיכטליכע בילדער).
" " — דיא געהיימנים פון קרייץ (א קולטור געשיכטליכע נאָכפאָרשונג איבער דעם צלם אין פערבינדונג מיט דער זונען געצענדיענסט און אנדערע עבודה זרות).
ב. פייגענבוים — צו קען דיא קאפּיטאַליסטישע אָרדנונג האָבען א קיום?
" " — ווארום דיא מענשען ווילען האָבען א גלויבען.
ל. קאָברין — וואָס הייסט א רעאַליסטישע דראַמא.
י. ענטין — איבער דיא זשארגאָנישע ליטעראַטור (קריטישע סטודיען).
דר. ק. פּארענבערג — דיא פּאָליטישע עקאָנאָמיע מיט הונדערט יאָהר צוריק און היינט.
" " — איבער דיא וויכטיגסטע פּאָסירונגען אין דער אינטערנאַציאָנא־לער ארבייטער בעוועגונג.
דר. ראָבינסאָן — ביאָלאָגיע און סאָציאַליזמוס.
ל. בודין — דיא נייעסטע עקאָנאָמישע ענטוויקלונג, און דיא סאָציאַליסטישע טהעאָריע.
א. ליטווין — דיא זשארגאָנישע ליטעראַטור אין בילדער (ביאָגראַפיעס פון דיא פּאָעטען פון דער זשארגאָנישער ליטעראַטור.
ל. סלאָבאָדין — דיא נעגער־פּראַגע אין אמעריקא.

אויסער דיא אויבענדערמאָנטע שרייבער וועלען אויף פאָלגענדע שרייבער מיטאַרבייטען אין „דיא צוקונפט“ נעקסטען יאָהר.

דר. אפרת (שווייץ) דר. בלומשטיין דר. א. גינזבורג, דר. גירזדאנסקי, מאָרים הילקוויט, מ. ווינטשעווסקי, דר. זשיטלאָווסקי (בערן) יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי, א. ליעסין, ז. ליבין, פאָליטיקוס, ס. פאָלאק, מ. קאַטץ, דר. קאָניאקאָוו (באָסטאָן), ה. רויזענבלאט, פ. ראָזענבלאט און פיעלע אנדערע.

# געקליבענע ווערטער

אונטער דיעזען נאָמען וועלען מיר אין דער „צוקונפט“ פון 1905 אָנפאנגען צו דרוקען א קורצען ווערטער בוך פון דיא פרעמדע ווערטער אין דער זשאַרגאָנישער שפראך, דאָס וועט אויך טהיילווייז זיין א ענציקלאָפעדיע פון פילאָזאָפישע און סאָציאַל־פאָליטישע „טערמינען“ (אזעלכע ווערטער וויא „טערמינען“ „טערמינאָלאָגיע“ וועלען גרינדליך ערקלערט ווערען) דיא ווערטער וועלען געקליבען און ערקלערט ווערען פון פיליפ קראַנץ.

# אונזער פּרעמיום

## פיר דיא יעהרליכע סובסקרייבער פון דער „צוקונפט“.

## א זעלטענער נייער גרויסער בוך אומזיסט.

# אמעריקא פאר קאָלאמבוס

איז דער נאָמען פון דעם בוך וואָס דיא „צוקונפט“ וועט געבען איהרע יעהרליכע סובסקרייבערס דעם קומענדען יאָהר אלס פרעמיום דיעזער בוך איז געשריבען פון פיליפ קראַנץ אלס א טהייל פון זיין „קולטור געשיכטע“ וואָס האָט ספעציעל צו טהאָן מיט דעם לעבען פון דיא איינגעבאָרענע פעלקער אין דער נייער וועלט ביז קאָלאָמבוס'עס רייזע און ביז דיא שפאניער האָבען צושטערט דיא אייגענטהימליכע ציוויליזאציאָן אין מעקסיקא און פערו.

אויף דעם גרונד פון וויסענשאפטליכע נאכפאָרשונגען און פיעלע אויסגראָבונגען אין אלע טהיילען פון אמעריקא ווערט דאָרט געשילדערט, וויא דיא אמאָליגע אמעריקאנער שטאַמען און פעלקער האָבען געלעבט, זיך געפיהרט און ענטוויקעלט, דאָס איז ניט נאָר אינטערעסאנט, ווייל דאָס עפענט פאר אונז ווירקליך א נייע וועלט, זאָנדערן אויך בעלעהרענד און פון גרויסער וויסענשאפטליכער בעדייטונג ווייל דאָס צייגט אונבעשטרייטבאר, וויא מענשען ענטוויקלען זיך איבעראל גלייך אונטער גלייכע אומשטענדען, ווען מיר זעהען וויא פערשיעדענע פעלקער אין דער אלטער וועלט האָבען עהנליכע מנהגים און גלויבענס, קענען מיר מיינען, אז איין פאָלק האָט זיי איבערגענומען ביי איין אנדערען דורך א געגענזייטיגען פערקעהר; אָבער דאָס קען מען אויף קיין פאל ניט זאָגען וועגען דיא איינגעבאָרענע אמעריקאנער פעלקער, ווייל זיי זיינען געווען אָבגעשניטען פון אלע קולטור־צענטערס פון דער אלטער וועלט דורך דיא גרעסטע אָקעאנען און האָבען זיך דארום זעלבסטשטענדיג ענטוויקעלט אין יעדער בעציהונג.

דער בוך „אמעריקא פאר קאָלומבוס“ ענטהאלט 44 ערקלעהרענדע בילדער, פון וועלכע מיר גיבען א ביישפיעל אויף פיידזש 54.

דיא „אינטערנאציאָנאלע לייברערי פובלישינג קאָמפּאני“, וועלכע וועט צו ניי־יאָהר ארויסגעבען דיעזע נייע קולטור־געשיכטליכע ווערק פון פיליפ קראַנץ, וועט אָבדרוקען א ספעציעלע אויפלאגע פיר דיא יעהרליכע סובסקרייבערס פון דער „צוקונפט“. דער פרייז פון דעם בוך וועט זיין 50 סענט נאָר דיא סובסקרייבערס וועלען איהם קריעגען אומזיסט אלס פרעמיום, ווען זיי וועלען צושיקען פאָראויס 1 דאָלאר (אין אויסלאנד און ניו יאָרק סיטי $1.25) פאר דיא „צוקונפט“ פון יאָהר 1905 ניט שפעטער וויא ביז דעם 1טען פעברואר 1905.

דיא אידישע לעזער האָבען אלזאָ אן אויסגעצייכענטע געלעגענהייט צו בעקומען פאר איין דאָלער סובסקריבציאָן אויף דיא צוקונפט א זעהר אינטערעסאנטען, בעלעהרענדען און קאָסטבארען נייעם בוך, וואָס וועט ערשט געדרוקט ווערען צום נייעם יאָהר.

אז דער בוך וועט געדרוקט זיין גוט אויף פיינע פאפיער מיט פיינע אילוסטראציאָנען— דאפיר גאראנטירט דיא אינטערנאציאָנאלע פובלישינג לייברערי קאָמפאניע“ וועלכע צייכענט זיך אויס מיט איהרע גוטע און שעהנע אויסגאבען.

מאָני אָרדערס אָדער קעש זאָל געשיקט ווערען אויף פאָלגענדען אדרעס :

**ZUKUNFT, 26 CANAL STREET, NEW YORK.**

# די צוקונפט

No. 12 (36) DECEMBER 1904 Volume III





קאטערינא ברעשקאָווסקאיא.

# צום אנדענקען פון אנטאן טשעכאוו

פון וו. קאראָלענקאָ; פריי איבערזעצט פון פּאָלינא סעגאל.

דעם 2 יולי 1904 איז אין באדען, שווארצוואלד, געשטאָרבען אנטאָן טשעכאָוו. ער איז דאָרטען אָפּגעוועזען דריי וואָכען. ניט לאנג פאר זיין טוידט האָט ער געשריעבען צו זיינעם א פריינד אין דער רעדאקציאָן פון „רוסקיא וויעדאָמאָסטי" אז עס ווערט איהם בעסער, אז ער פיהלט זיך זעהר גוט און שעפּט געזונדט גאנצע פּודענווייז. לײדער אָבער איז עס נור געוועזען א גענאַרטער געפיהל פון בעסערונג, וויא עס פאסירט אָפט ביי שווינדזיכטיגע. עס איז איהם באלד געוואָרען ערגער, דיא קראנקהייט האָט זיך פערשארפט, און ער איז געוואָרען שוואכער און שוואכער. דיענסטאג דעם 29טען יוני האָט דאָס הארץ ביי איהם אָנגעהויבען צו קלאפּען זעהר שוואך און מען האָט איהם געמוזט געבען אויפרעגענדע מיטלען. איינס א זייגער ביי נאכט, דעם 2טען יולי, האָט זיך דער קראנקער אויפגעכאפּט פון א שטיקענעס אין האלז, און 3 א זייגער פאר טאָג איז ער כמעט אָהן שמערצען אויסגעגאנגען אויף דיא הענד פון זיין פרוי.

אזוי שנעל און אונערווארטעט האָט זיך געענדיגט טשעכאָוו'ס לעבען. ער איז געשטאָרבען צו 44 יאָהר אין דער רעכטער בליהונג פון זיין טאלענט.....

זיין טוידט וועט אָהן צווייפעל ארויסרופען א געפיהל פון וועהטאָג און טרויער אין דיא הערצער פון טויזענדער פון זיינע לעזער, נאָך מעהר דערפאר, ווייל זיינע ווערקע זיינען דיא לעצטע יאָהרען געוועזען דורכגעדרונגען מיט אזא ביינקעניש, מיט אזא טיפען טרויער, אז דאָס האָט זיך דורך דיא קראפט פון זיין גרויסען טאלענט איבערגעגעבען אויך צו זיינע לעזער. און דאָך האָט דער זעלבער שרייבער א מאָהל, ווען ער האָט אָנגעהויבען זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט, הינגעריסען דעם עולם מיט זיין העלען, פרעהליכען, קלינגענדען געלעכטער... *) מיט טשעכאָוו'ן בין איך בעקאנט געוואָרען אין 1886 יאָהר. דאן זיינען שוין אָבגעדרוקט געווען צוויי אויסגאבען פון זיינע ערצעהלונגען. איינע פון דיעזע אויסגאבען האָב איך געזעהן ביי טשעכאָוו'ן אויף'ן טיש, ווען איך האָב איהם דאָס ערשטע מאָהל בעזוכט. עס האָט געהייסען „דיא מעשה'לעך פון מעלפּאָמענא". דאָס ביכעל איז געווען פול מיט הומאָריסטישע ערצעהלונגען און אונטערגעשריעבען „א. טשעכאָנטע." דיעזען ערשטען ביכעל האָט דער עולם גאנץ וועניג באמערקט און זעלטען ווער עס געדענקט איהם יעצט.....

אין 1887 איז ערשיענען א בוך פון געמישטע ערצעהלונגען, וועלכע זיינען פריהער געווען געדרוקט אין פערשיעדענע זשורנאלען, און דעם מאָהל איז שוין דער בוך געווען אונטערגעשריעבען: א. טשעכאָוו. דיעזער בוך איז גלייך באמערקט געוואָרען פון גרויסען לעזענדען פּובליקום. מען האָט וועגען דעם בוך זעהר פיעל גערעדט און געשריעבען. געשריעבען און גערעדט האָט מען פערשיעדענעס, אין אלגעמיין אָבער האָט דער בוך געהאט א גרויסען ערפאָלג.

דער ערשטער, וואָס האָט באמערקט און אָבגעשאצט טשעכאָוו'ס טאלענט איז געווען דער בעקאנטער שריפטשטעלער ד. גריגאָראָוויטש.

אין טשעכאָוו'ס לוסטיגע הומאָרעסקען האָט גריגאָראָוויטש פאָראויסגעזעהן אן אָריגינעלען קרעפטיגען טאלענט. מיר דאכט זיך, אז דער זעלבער גריגאָראָוויטש האָט געהאָלפען טשעכאָוו'ן ארויסצוגעבען זיינע „געמישטע ערצעהלונגען". אין דער צייט פון מיין בעזוכען טשעכאָוו'ן פלעגט ער אָפט ריידען פון גריגאָראָוויטש'ן און פלעגט מיר ווייזען זיינע בריעף. איינער פון דיזע בריעף איז געווען געשריעבען פון אויסלאנד. גריגאָראָוויטש האָט דאָרט געשריעבען וועגען דיא בענקעניש, וואָס ער פיהלט אין זיין באדע־פּלאַץ,

*) דער שרייבער בעציהט זיך אויף דעם, וואָס טשעכאָוו האָט אָנגעפאנגען זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט מיט דרוקען הומאָריסטישע קלייניגקייטען אין הומאָריסטישע זשורנאלען.

וועגען זיין קראנקהייט און וועגען דעם וויא ער פיהלט, אז דיא ביינערדיגע הענד פון דעם טויט נעהענטערן זיך צו איהם.

איך געדענק, וויא טשעכאָוו, נעהמענדיג דעם בריעף פון מיינע הענד, האָט געזאָגט:

— אָט, האָט איהר דעם סוף פון בעריהמטקייט, פון א גרויסען נאָמען, גרויסע האָנאָרארס!...

דיעזער פעסימיסטישער שטריך אין דעם כאראקטער פון דעם יונגען, פרעהליכען הומאָריסט, פאר וועלכען א פיעל פערשפּרעכענדעס לעבען איז געשטאנען פאָראויס, האָט מיך דאן פערוואונדערט. שפּעטער אָבער האָב איך זיך אָפט דערמאָנט אָן יענע ווערטער, דעם אייסדרוק פון זיין פנים, ווען ער האָט עס געזאָגט, און איך האָב זיך שוין מעהר ניט געוואונדערט.

נאָך דעם ערשיינען פון דיא „געמישטע ערצעהלונגען“ איז אנטאָן טשעכאָוו'ס נאָמען מיט א מאָהל בעריהמט געוואָרען. דער גאנצער בוך איז געווען דורכגעדרונגען מיט עפּעס א מין יוגענדליכער זאָרגלאָזיגקייט. אויף ליטעראטור און לעבען האָט ער געקוקט עטוואָס לייכט און איז אין גאנצען געווען פול מיט אנשטעקענדיגער פרעהליכקייט, מיט טיעפען שארפזין און מיט וואונדערבארע בילדער.

אין פעטערסבורג איז אין יענער צייט ארויסגעגעבען געוואָרען דער זשורנאל „סעווערני וויעסטניק“ אונטער דער רעדאקציאָן פון נ. מיכאילאָווסקי. איך בין דאן איינגעלאדען געוואָרען דאָרט מיטצוארבייטען. צו דיעזען צוועק בין איך געפאָהרען אין פעטערסבורג. איך האָב שוין דאן געהאט געלעזען טשעכאָוו'ס ערצעהלונגען און, פארבייפאָהרענדיג מאָסקווע, איז מיר איינגעפאלען צו בעזוכען איהם און מיט איהם בעקאנט צו ווערען.

אין יענער צייט האָט טשעכאָוו'ס פאמיליע געוואָהנט אויף דער סאדאָווער גאס אין א קליינער רויטער הייזקע. דאָס איז געווען א מויערל אין צוויי עטאזש, וועלכער איז געשטאנען צווישען גרויסע הייזער. אונטען, ביים אריינגאנג, האָבען מיך בעגעגענט טשעכאָוו'ס שוועסטער און זיין אינגערער ברודער מיכאאיל, דאן נאָך א סטודענט. און אין א פּאָאר מינוט איז טשעכאָוו אליין ארונטערגעקומען פון דיא טרעפּ.

פאר מיר איז געשטאנען נאָך גאָר א יונגער מאן, עטוואָס העכער פון מיטעלוואוקס, מיט א לענגליכען, רעגעלמעסיגען, ריינעם פנים, אויף וועלכען עס האָבען זיך איינגעהאלטען אלע שטריכען פון יוגענדליכקייט. זיינע טיעפע, בלויע, שטראהלענדע אויגען האָבען געשיינט מיט געדאנקען און מיט עפּעס א מין קינדערשער פרעהליכקייט אין דער זעלבער צייט. איינפאכקייט און צערטליכקייט אין זיין האלטען זיך איז געווען איינער פון דיא הויפּטשטריכען פון זיין כאראקטער און אויך פון זיינע שריפטען. אין אלגעמיין האָט טשעכאָוו ביי אונזער ערשטער בעקאנטשאפט געמאכט דעם איינדרוק פון א פרעהליכען לעבעדיגען מענשען. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז זיינע אויגען שפּיגלען אין זיך אָפּ דעם אונאויסשעפּבארען קוואל פון וויטץ, שארפזין און נאטירליכע פרעהליכקייט, מיט וועלכע עס זיינען געווען איבערפילט זיינע ערצעהלונגען. און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיט פיעלעס פון זיין שרייבען בין איך ניט געווען איינפערשטאנדען, האָב איך דאָך ארויסגעטראָגען א גוטע אנגענעהמע מיינונג וועגען איהם. קוקענדיג אויף טשעכאָוו'ן, האָט זיך מיר געדאכט, אז איך זעה פאר זיך א יונגע דעמבע, וואָס איהרע צווייגלעך זיינען צו־וואָרפען אין פערשיעדענע זייטען. דאָס ביימעלע איז נאָך שוואך, קליין, עס האָט נאָך דערווייל כמעט גאָר קיין פנים ניט, אָבער עס לאָזט זיך שוין יעצט פאָראויסזעהן דיא שטארקייט און דיא קראפט פון דעם צוקינפטיגען מעכטיגען דעמב......

ווען איך בין געקומען אין פעטערבורג און האָב דערצעהלט וועגען מיין בעזוך ביי טשעכאָוו'ן און דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר געמאכט, האָבען דיא רעדאקטערע און ארויסגעבער פון „סיעווערני וויעסטניק“ מיר פאָרגעוואָרפען, פאר וואָס איך האָב איהם ניט איינגעלאדען מיטצוארבייטען אין דעם זשורנאל.

ווען איך האָב טשעכאָוו'ן בעזוכט דאָס צווייטע מאָהל, האָב איך שוין מיט איהם גערעדט וועגען אריינטרעטען אלס מיטארבייטער אין „סיעווערני וויעסטניק“. עס האָט זיך ארויסגעוויעזען אז פלעשצייעוו האָט שוין מיט איהם פריהער וועגען דעם גערעדט און טשעכאָוו האָט עס איהם צוגעזאָגט. אויך מיר האָט ער פערשפּראָכען צו שרייבען פארן זשורנאל, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט אליין שטארק געצווייפעלט אין זיך. נאָך זיינע אייגענע רייד נאָך, האָט ער דאן זיין שרייבען בעטראכט אלס א מין שפּיעלכעל, וואָס דיענט איהם צייטענווייז אלס צייטפערטרייב און טהייל־ווייז אויך אלס א מיטעל צו מאכען א לעבען ביז ער וועט ענדיגען דעם אוניווערזיטעט.

— ווייסט איהר, וויא אזוי איך שרייב מיינע קורצע ערצעהלונגען? האָט מיך טשעכאָוו געפרעגט, אָט זעהט...

ער האָט ארומגעקוקט דעם טיש און האָט גענומען דיא ערשטע זאך, וואָס איז איהם אריינגעפאלען אין דיא הענד, דאָס איז געווען א טעצעל

פאַר אש. ער האָט דאָס אוועקגעשטעלט פאַר מיר און האָט געזאָגט:

— ווילט איהר, האָב איך מאָרגען אַן ערצעהלונג אונטער דעם נאָמען: „א טעצעל פאַר אש“.

זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט א פרעהליכען פייערל. עס האָט אויסגעזעהן, אז אין זיין מוח ארבייטען שוין געדאנקען, אין זיין קאָפּ מאָהלען זיך בילדער, פאסירונגען, צור־

דיא רוהיגסטע, דיא גליקליכסטע צייט אין דעם לעבען פון דער גאנצער פאמיליע. טשעכאָוו איז נאָך אין יענער צייט געווען זאָרגלאָז און פרעה־ליך, ער איז געווען פול מיט בילדער, מיט סיו־זשעטען, מיט געדאנקען. זיין שוועסטער האָט מיר דערצעהלט, אז ער פלעגט א מאָהל אין מיטען נאכט אָנקלאפּען צו איהר אין צימער און איהר דערצעהלען וועגען א נייעם סיוזשעט און מאנ־כעם מאָהל וועגען א גאנצע ערצעהלונג, וואָס איז



# אנטאן פ. טשעכאוו.

פעלע נאָך ניט קיין גאנץ קלאָהרע, אָבער קאָמי־שע און פרעהליכע...

יעצט, ווען איך דערמאָהן זיך אָן דעם גע־שפּרעך, שטעהט מיר פאַר דיא אויגען א קליינער אנגענעהמער זאאל; נעבען טיש ביי א קאָכעדיגען סאמאָוואר זיין אלטעטשקע מוטער, זיין שוועס־טער און זיין ברודער, זיי אלע פול מיט ליעבע, פול מיט צוטרויען, פול מיט צערטליכקייט צו דעם טאלענטפאָלען לעבענסלוסטיגען יונגען שרייבער. מיר דאכט זיך, אז דאָס איז געווען

איהם פלוצלונג איינגעפאלען. זיי פלעגען דאָס דאַןביידע ארומריידען, דאָס קלעהרער מאכען און פלעגען זיך פרעהען וויא קינדער.

צו יענער צייט איז אין „נאָוואָיע ווערמיא“ אָבגעדרוקט געווען טשעכאָוו׳ס ערצעהלונג „אין א הייליגע נאכט“. דאָס איז געווען א וואונדער־בארע ערצעהלונג, דורכגעדרונגען מיט טיעפער טרויעריגקייט, ערטערווייז נאָך פול מיט וויטץ און הומאָר; אָבער דאָך מיילען־ווייט אוועק פון זיינע פריהערדיגע ערצעהלונגען. דיעזע ערצעה־

לונג האָט אָנגעמאכט א גרויסען רעש. אין טשעכאָוו און זיין פאמיליע האָבען געמוזט איינזעהן, אז אין זיינע הענד איז ניט בלויז אן אנגענעהמע שפּיעלצייג, זאָנדערן א גרויכער טהייערער אוצר.

און איך געדענק, וויא אין דער שטימע פון דער מוטער, וואָס האָט געשיינט צו זיין גליקליך און האָט גערעדט מיט שטאָלץ פון איהר זוהנ'ס ערפאָלג, האָבען זיך געהערט טרעהרען. איך האָב גערעדט מיט טשעכאָוו'ן וועגען פאָהרען אין פּעטערבורג און וועגען א פּלאַן, וואו מיר זאָלען זיך טרעפען, און זיין מוטער האָט דערביי א שווערען זיפץ געטאָהן און האָט געזאָגט:

— מיר זאָגט דאָס הארץ, אז אנטאָן איז שוין ניט מיינער.....

אָרימע מוטער! איהר הארץ האָט איהר ניט גענארט.....

מיר האָבען אָבגערעדט זיך צו טרעפען אין פּעטערבורג אין דער רעדאקציאָן פון הומאָריסטישען זשורנאל „אָסקאָלקי“. און ווירקליך, אין דעם בעשטימטען טאָג, ווען איך בין געקומען אהין האָב איך געטראָפען טשעכאָוו'ן. דאָרטען האָט מיט אונז פּאסירט דער פאָלגענדער צופאל: דער רעדאקטאָר, הערר לעיקין, האָט זיך בעריהמט פאר טשעכאָוו'ן, אז ער האָט ערהאלטען אן אויסגעצייכענטע ערצעהלונג פון עפּעס גאָר אן אונבעקאנטען שרייבער פון דער פּראָווינץ. דיא ערצעהלונג איז איהם אזוי געפעהלען, אז ער האָט איינגעלאדען דעם שרייבער צו קומען אין פּעטערבורג, אום מיט איהם בעקאנט צו ווערען. טשעכאָוו האָט זיך פאראינטערעסירט און האָט געבעטען, מען זאָל איהם ווייזען דעם מאנוסקריפּט. עס האָט זיך ארויסגעוויעזען, אז דאָס איז געוועזען זיין אייגענע, אן אלטע ערצעהלונג, רייין איבערגעשריעבען און אונטערשריעבען מיט א פרעמדען נאָמען.....

ארום יענער צייט פלעג איך זיך בעגעגנען מיט טשעכאָוו'ן גאנץ אָפט. ער פלעגט מיך אימער איבערראשען מיט זיינע איינפעלע, מיט זיין לעבעדיגקייט און איבערהויפּט מיט זיינע פּלענער.

— הערט אויס, זאָגט ער א מאָהל צו מיר, איך האָב א פּלאַן ארויסצוגעבען א זשורנאל מיט 24 מיטארבייטער, איך וועל איינלאדען אלע יונגע שרייבער, אלע אָנפאנגער.

אן אנדער מאָהל, קוקענדיג אויף מיר מיט זיינע טיעפע דורכדרינגענדע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך געזעהן בעגייסטערונג, האָט ער געזאָגט:

— הערט, קאָראָלענקאָ.... איך וועל קומען צופאָהרען צו אייך אין ניזשני. —

— עס וועט מיר זעהר פרעהען, זעהט אָבער, האלט וואָרט. —

— געוויס, געוויס. איך וועל אונבעדינגט קומען. מיר וועלען ביידע צוזאמען ארבייטען. מיר וועלען אָנשרייבען א דראמא אין פיער אקטען אין צוויי וואָכען.

איך האָב אָנגעהויבען צו לאכען.

— ניין, אנטאָן פּאוולאָוויטש. א דראמע שרייבט איהר אליין, אָבער צו מיר אין ניזשני קומט טאקע צו פאָהרען.

ער האָט געהאלטען וואָרט און איז געקומען מיך בעזוכען אין ניזשני. דאָרט האָט ער בעצווייבערט אלעמען, מיט וועמען ער האָט זיך נאָר געטראָפען.

דעם נעכסטען מאָהל, ווען איך בין צו איהם געקומען, האָב איך איהם געטראָפען שרייבענדיג א דראמע. איך האָב איהם ניט געוואָלט שטערן און האָב זיך שוין געקליבען אוועקצוגעהן, ווען ער איז ארויסגעקומען פון זיין קאבינעט און האָט מיך צוריקגעהאלטען.

— יא, האָט ער געזאָגט, איך שרייב, און איך וועל אונבעדינגט אָנשרייבען א דראמע מיט דעם נאָמען „איוואן איוואנאָוויטש איוואנאָוו. איוואנאָוו'ס זיינען דאָ א סך, דאָס איז א גאנץ איינפאכער מענש, גאָר קיין העלד ניט... און גראדע דערפאר איז איהם שווער צו שרייבען... טרעפט אייך א מאָהל ביים שרייבען, אז צווישען צוויי סצענען, וועלכע מאָהלען זיך קלאָהר ביי אייך אין דער פאנטאזיע, זאָל אין מיטען דערינגען פוסט ווערען אין קאָפּ?

— יא, האָב איך געענטפערט, עס פּאסירט אויך ביי מיר. דאן קומט אויס צו בויען א בריק, וואָס זאָל אויספילען דיא פוסטקייט צווישען ביידע סצענען—ניט מיט דער פאָרשטעלונגסקראפט, ניט מיט דער פאנטאזיע, נור מיט דעם פערשטאנד, מיט לאָגיק. אין אזעלכע מאָמענטען ווארף איך געוועהנליך מיין ארבייט און וואַרט. ביז מיין פאָרשטעלונגס קראפט פאנגט וויעדער אָן צו ארבייטען.

— איהר ווארט. האָט ער בעמערקט, יא, דאָס איז אם בעסטען, אָבער אָט אין דער דראמע קען מען זיך אָהן אזעלכע געפליגעלטע בריקען פון דער לאָגיק גאָר ניט בעגעהן.

אין אלגעמיין האָט מיר דאן טשעכאָוו אויסגעזעהן מיעד, צוטראָגען און אונצופריעדען. זיין ערשטע דראמע איז איהם אָנגעקומען זעהר שווער. און ערשט דאן, ווען מען האָט דיא פיעסע אויפגעפיהרט, האָט זיך אָנגעהויבען פאר טשעכאָוו'ן א גאנצע רייהע פון ערגערניס, קריינקונג און ענטוישונג. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דאָס בילד, וואָס איז געוועזען אזוי שעהן אויפגעמאָהלען אויפ'ן פאפּיער, איז ארויסגעקומען בלאַס און שוואך אויף דער ביהנע. דאָס האָט איהם ניט צופריעדען געשטעלט און

ער האט איינינע מאהל געמוזט איבערשרייבען דיא דראמע. דאס ערשיינען פון דיזער דראמע אין בוך־פארם האט ווידער א מאהל אויפגערו־דערט דאס גאנצע לעזענדע פובליקום. מען האט פיעל און אומעטום דערפון גערעדט. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דיא דראמע פון רוסישען לעבען האט געווירקט אויפ'ן יונגען שרייבער. און ווירק־ליך, אין „איוואנאוו" פיהלט זיך שוין ניט אפילו א סמן פון דיא פריהערדיגע זארגלאזיגקייט און פרעהליכקייט פון דעם שרייבער. פיעל מעהר פיהלט זיך דארט דער דרוק, דער צוואנג, אין וועלכען דיא טרויעריגע רוסישע פערהעלטניסע האלטען געשמידט דיא העלדען פון דער דראמע. און דער עולם האט זיך שטארק ארומגעריסען, וועלענדיג דערגעהן, וואס טשעכאוו מיינט מיט זיין נייעס ווערק: וואו רעדט ער אליין און וואו רעדען זיינע העלדען? וואס פערטהיידיגט ער און אויף וואס פאלט ער אן? פיעל מאהל האט מען צומישט איוואנאוו'ן, דעם העלד פון טשע־כאוו'ס דראמע, מיט טשעכאוו'ן אליין. און דאס האט זעלבסטפערשטענדליך ארויסגערופען פיעל מיספערשטענדניס. יעדענפאלס איז עס זיכער, אז אין יענער צייט איז אין דעם כאראקטער פון דעם שרייבער פארגעגאנגען א קריזיס. נאכדעם, וויא ער האט זיך מיט אפענע אויגען צוגעקוקט צום לעבען, איז איהם דער פרעהליכער געלעכטער פערשטארבען אויף דיא ליפען, זיין זארגלאזיג־קייט איז פערשוואונדען, און א טיעפער טרויער, א מין אונבעפריעדיגקייט, א אייביגע בענקעניש האט אנגעפילט זיין הארץ. ער האט פון דער צייט אן געשריעבען פיעל, זעהר פיעל, אבער אין אלע זיינע שריפטען פיהלט זיך דיזער טרויערי־גער טאן.....

זייט דאן האב איך זיך מיט טשעכאוו'ן גע־טראפען פיעל מאהל אין פערשיעדענע צייטען. דעם לעצטען מאהל האב איך איהם געזעהן מיט צוויי יאהר צוריק אין יאלטע. ער האט דאן גע־וואהנט אונטערן שטאדט אויף א דאטשע. מיט איהם האבען געוואהנט זיין שוועסטער און זיין פרוי. גראדע אזוי וויא דאס ערשטע מאהל, האט מיר זיין שוועסטער בעגעגענט אונטען און באלד איז אויך, וויא דאן, ארונטערגעגאנגען טשע־כאוו. עס האט מיר פערקוועטשט ביים הארצען ביי דער ערינערונג אן יענער צייט.

פאר מיר איז געשטאנען א סקעלעט פון דעם אמאליגען פרעהליכען, לעבענסלוסטיגען יונגען טשעכאוו'ן. מיר האבען זיך פאנאנדערגערעדט און טשעכאוו, נעהמענדיג פון טיש א בוך, האט געזאגט:

— איהר האט געלעזען דעם בוך? דאס איז דער „בויער פון פאלעניץ". זעהר א גוטער בוך. אט אזא בוך וואלט איך נאר געוואלט אנשרייבען. דאן, דוכט זיך, וואלט געווען גענוג.... איך וואלט דאן געמעגט שטארבען.....

ליידער איז ער געשטארבען פריהער....

# דער אמסטערדאמער קאנגרעס

## II.

נאך דער פראגע וועגען פאליטישע טהעטיגקייט און טאקטיק פון סאציאל־דעמאקראטישע פאר־טייען *) איז דער וויכטיג־סטער פונקט אויף דער טא־געס ארדנונג פון אינטערנא־ציאנאלען קאנגרעס אין אמס־טערדאם געווען וועגען דעם ג ע נ ע ר א ל ־ ס ט ר י י ק. ביידע דיזע פרא־גען בעריהרען זעהר שטארק דיא א י נ ע ר ל י כ ע אנגעלעגענהייטען פון דער סאציאליס־טישער בעוועגונג אין דער גאנצער וועלט, און פון זייער ריכטיגער ענטשיידונג הייננט אב דיא איינינונג און הארמאניע אין דיא רייהען פון דער סאציאל דעמאקראטישער ארמעע.

אבער דיא רעזאלוציאן וועגען גענעראל־סטרייק לאזט נאך ברייטער אפען דיא טויערן פאר ווייטערע צוזעצונגען און ציבויאונגען, וויא דיא דרעזדענער רעזאלוציאן וועגען דיא טאקטיק פון דער סאציאל־דעמאקראטיע. פון ערשטען בליק זעהט מען, אז זיא איז א קאמפרא־מיס, אום צו קענען פערשיעבען דיא פראגע אויף ווייטער. אייגענטליך האט מען מעהר ניט געקענט ערווארטען פון דעם אמסטערדאמער קאנגרעס ביי דיא היינטיגע אומשטענדען פון דער סאציאליסטישער בעוועגונג. עס איז שוין געווען א גרויסער שריט פאראויס, ווען מען האט אויפגענומען דיא פראגע וועגען גענעראל־

*) זעה דעם ערשטען ארטיקעל אין פאריגען (נאוועמבער) נומער „צוקונפט".

סטרייק ניט אלס אן אנארכיסטישע שטיף־קינד, וויא אויף דיא פאָריגע אינטערנאַציאָנאלע סאָציאליסטישע קאָנגרעסען, זאָנדערן אלס *א בעשטימטען פונקט פון דער סאָציאל־דעמאָקראטישער פראָגראם*.

וויא איך האָב עס ערקלעהרט אין מיינע ארטיקלען איבער דעם „גענעראל־סטרייק" (זעה „די צוקונפט" פון לעצטען מאי, יוני און יולי), איז דאָ א פראגע ניט פון וועלען, נאָר פון *קענען*, ניט פון טהעאָריע, נאָר פון פראקטיקע, ניט פון רעזאָלוציאָנען, זאָנדערן פון דער *מאכט זיי אויסצופיהרען*. קיין סאָציאליסט וואָלט ניט ארויסגעטראָטען געגען דעם גענעראל־סטרייק, ווען ער וואָלט געפיהלט און געזעהן, אז מען קען אויספיהרען אפילו א טהייל פון דעם, וואָס דיא אנארכיסטען און אנדערע גענעראל־סטרייקער זאָגען נביאות. עס קען אָבער קיין צווייפעל ניט זיין, אז אין קיין לאנד איז נאָך דיא סאָציאליסטישע פארטיי ניט שטארק גענוג ארויסצוטרעטען מיט דעם גענעראל סטרייק צו שטירצען דיא קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט. מען דארף ווירקליך זיין בלינד צו גלויבען, אז ביי דיא יעצטיגע אומשטענדען קען א גענעראל־סטרייק, ווען ער זאָל זיך אפילו אָנפאנגען אויף דעם בעסטען וועג, פיהרען צו א סאָציאל רעוואָלוציאָן, וויא דיא אנהענגער פון דיזען געפעהרליכען קאמפף־מיטעל מיינען עס.

אָבער עס איז אויך זיכער, אז דיא גענעראל־סטרייק פראגע וועט אליין העכער ארויפשווימען אויף דעם ברויזענדען ים פון דעם קעמפפענדען פּראָלעטאריאט, וואָס שטארקער דיא סאָציאליסטישע פארטיי וועט ווערן אין יעדען לאנד. דאן וועט עס ווערן די ברענענדסטע פראגע פאר דיא סאָציאל־דעמאָקראטיע אין דער גאנצער וועלט. יעצט אָבער, ווידערהאָל איך, מוז מען זיך בענוגנען מיט דער רעזאָלוציאָן פון אמסטערדאמער קאָנגרעס, וועלכער לויטעט אזוי:

„נעהמענדיג אין אנבעטראכט, אז עס איז ווינשענסווערטה צו בעשטימען דיא שטעלונג פון דער סאָציאל־דעמאָקראטיע צו דעם גענעראל־סטרייק, ערקלעהרט דער קאָנגרעס:

1. דאָס דיא ערשטע נויטהווענדיגקייט פיר אן ערפאָלגרייכען סטרייק אין א גרויסען אומפאנג איז א שטארקע אָרגאניזאציאָן און אנערקענטע דיסציפלין פון ארבייטער קלאס;

2. דאָס אן אבזאָלוטער גענעראל־סטרייק אין דעם זינען, אז אלע ארבייטער זאָלען אין א בעשטימטער צייט אוועקלייגען דיא ארבייט, וועט ניעדערשלאָגען זיין אייגענעם ציעל, ווייל ער וואָלט געמאכט יעדע עקזיסטענץ, דעם פּראָלעטאריאט אריינגערעכענט, אונמעגליך;

3. דאָס דיא עמאנסיפּאציאָן (בעפרייאונג) פון ארבייטער־קלאס קען ניט זיין דער רעזולטאט פון אירגענד אזא פּלעצליכע מאכט־פּראָבע, אָבוואָהל עס איז גאנץ מעגליך, פון דער אנדער זייט, דאָס א סטרייק, וועלכער פערשפּרייטעט זיך איבער עטליכע עקאָנאָמיש־וויכטיגע טריידס אָדער איבער א גרויסע צאָהל צווייגען פון האנדעל, קען זיין א מיטעל צו ברינגען וויכטיגע סאָציאלע ענדערונגען אָדער צו בעקעמפפען רעאקציאָנערע פּלענער געגען דיא רעכטע פון ארבייטער.

דארום ווארנט דער קאָנגרעס דיא ארבייטער ניט צו לאָזען זיך פערפיהרען פון אנארכיסטען מיט זייער פּראָפּאגאנדע וועגען דעם גענעראל־סטרייק, וואָס ווערט אָנגעפיהרט מיט דעם צוועק אָבצוציהען דיא ארבייטער פון דעם ווירקליך נויטיגען קאמפף, וועלכער מוז פאָרטגעזעצט ווערען טאָג־טעגליך דורך טריידס־יוניאָנס, פּאָליטישע אקציאָן (טהעטיגקייט) און קאָאָפּעראציאָן;

און פאָדערט אויף אלע ארבייטער אויפצובויען זייער אייניגקייט און מאכט אין דעם קלאסען־קאמפף דורך דיא פערפאָלקאָמונג פון זייער אָרגאניזאציאָן, ווייל אין פאל דער סטרייק וועט זיך אין א געוויסער צייט ארויסווייזען אלס ניצליך אָדער נויטווענדיג פיר דיא דורכפיהרונג פון א בעשטימטען פּאָליטישען צוועק, וועט זיין ערפאָלג אין גאנצען זיין אָבהענגיג דערפון".

אלזאָ, דער אָנפאנג און דער סוף פון דיעזער רעזאָלוציאָן דריקט זיך אויס מיט איין וואָרט — אָרגאניזאציאָן. זייט נאָר גוט און ריכטיג אָרגאניזירט, ארבייטער, הייסט עס, וועט איהר שוין קענען אָנפאנגען אפילו א גענעראל־סטרייק. דאָס איז דאָס זעלבע, וואָס מען הערט ניט אויף צו ראטהען דיא ארבייטער אויף דעם פּאָליטישען וועג, אום זיי זאָלען קענען פערכאפּען דיא עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאכט אין זייערע הענד. נאטירליך, דיא עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָרגאניזאציאָן איז דער פונדאמענט פון דער עמאנסיפּאציאָן פון ארבייטער קלאס, און מען דארף אויף יעדען וועג און מיט אלע כוחות אויפפאָדערן די ארבייטער צו אָרגאניזירען זיך וואָס בעסער און צוועקמעסיגער צו דעם קאמפף מיט דער בורזשואזיע, מיט דעם הערשענדען קאפּיטאליסטישען קלאס. אָבער ווער קען בעשטימען דעם *גרענעץ* פון דער אָרגאניזאציאָן? ווער קען בעשטימען, אז אזוי פיעל אָרגאניזאציאָן און ניט ווייניגער איז גענוג פיר אן ערפאָלגרייכען קאמפף דורך דעם גענעראל־סטרייק אָדער, וואָס עס איז אייגענטליך דאָס זעלבע, דורך דיא סאָציאלע רעוואָלוציאָן? היינט צו טאָג, עס איז אמת, זיינען נאָך דיא פּראָלעטאריער ווייט ניט אזוי אָרגאניזירט. אז מען זאָל קענען רעכענען אויף אן ערפאָלג דורך א גע־

נעראל־סטרייק, אָבער אין א גאנץ נאָהענטער צוקונפט קען דיא לאגע ווערען א גינסטיגערע און דאָס אונמעגליכע קען ווערען מעגליך — ווער ווייס ?

אויסער דעם איז נויטהווענדיג, אז דיא אר־בייטער זאָלען צוגעוואָהנט ווערען צו דער אידעע פון א גענעראל־סטרייק, זאָלען זיי זיך דאָס גוט אין קאָפּ ארייננעהמען און זאָלען זיך דערמיט אינטערעסירען און דערויף האָפען אלס אן ער־לייזונגס־מיטעל. אין דיעזער בעציהונג האָבען דיא אנהענגער פון גענעראל־סטרייק רעכט, ווען זיי זאָגען, אז מען דארף יעדענפאלס אגיטירען אין דיא ארבייטער מאסען פאר אזא סטרייק און ניט שווער מאכען דיא הערצער פון דיא פּראָלע־טריער מיט שטענדיגע אָנווייזונגען אויף דיא גוואלדיגע מאכט פון דיא קאפּיטאליסטישע רע־גירונגען און אויף פערשיעדענע גרויסע און קליינע שוועריגקייטען אין וועג. צוליעב דעם וואָס אנארכיסטען ניצעווען יעצט איבער וועגען גענעראל־סטרייק זייערע פריהערע טענות וועג־גען דיא סאָציאלע רעוואָלוציאָן און שרייען, אז דאָס איז דער איינציגער הילפס־וועג, מאכענדיג דערביי חוזק אויף זייער אלטען שטייגער פון פּאָליטישען קאמפּף — דארף מען נאָך ניט שפּרינ־גען צום אנדערן עקסטרעם און ערקלעהרען, אז דער גענעראל סטרייק איז איבערהויפּט אָן אונזין, א פאנטאזיע פון צוהיצטע קעפּ. צו דער פער־ווירקליכונג פון אונזערע סאָציאליסטישע אי־דעאלען איז נאָך אויך ניט נאָהענט; נאָר וואָס וואָלט געוואָרען פון אונזער גאנצער סאָציאליס־טישער פּראָפּאגאנדע, פון אונזער אגיטאציאָן, ווען מיר וואָלטען צוגעקומען צו דיא ארבייטער מיט טענות, אז דער סאָציאליזמוס איז נאָך הימעלוויט, אז דער קאפּיטאליסטישער קלאס איז אזוי פעסט און מעכטיג, דאָס עס קענען גאָר ניט זיין אירגענד וועלכע אויסזיכטען אויף אן ערפאָלגרייכען קאמפּף פון פּראָלעטאריאט פאר דיא דורכפיהרונג פון דיעזע אידעאלען, וויא גערעכט און ווינשענסווערטה זיי זאָלען ניט זיין ? אָנשטאָט אזא אבשטויסענדע פּראָ־פּאגאנדע פיר סאָציאליזמוס, וואָלט שוין ווירק־ליך גלייכער געווען פיר דיא פּראָלעטאריער צו פּאָלגען דיא רעפאָרמערס און איבערהויפּט דעם ראדיקאלען פליגעל פון דער ליבעראלער פארטיי.

דיא צייט איז נאָהענט, ווען אפילו דיא שטרענג־אָרטהאָדאָקסישע סאָציאל־דעמאָקראטען וועלען צוגעבען, אז מען דארף טיכטיג און ענער־גיש אגיטירען וועניגסטענס פאר דיא אידעע פון גענעראל סטרייק, אום דיא ארבייטער זאָלען זיך ניט אָפּשרעקען פאר דיא קאפּיטאליסטישע קאנאָנען, ווען דיא צייט פון האנדלונג וועט קו־מען. פון אן „אבזאָלוטען” גענעראל־סטרייק קען גאָר קיין רייד ניט זיין. ווען מען וויל רייד'ען ערנסט און אויפריכטיג. אבזאָלוטען זיינען אי־בערהויפּט ניטאָ. פון א גענעראל סטרייק, וויא ווייט דאָס לאָזט זיך אין דיא גרענעצען פון דער ווירקליכקייט, לויט נאָך דיא אומשטענדען אין א בעשטימטען לאנד, קען אָבער ניט בלויז זיין דיא רייד, זאָנדערן עס דארף זיין דיא רייד וואָס מעהר און וואָס ווייטער..... טענה'ן וועגען אן „אבזאָלוטען” גענעראל־סטרייק הייסט אויס־ווייכען דעם ריכטיגען פונקט, הייסט צומאכען דיא אויגען און ניט וועלען זעהען, וויא דיא ווירקליכקייט זעלבסט שטופּט ארויס דיזע פראגע צום פּראָנט און טרייבט אלין עפּטער צו מעהר אָדער וועניגער גרויסע אלגעמיינע סטרייקס.

דיא אויבענגעבראכטע רעזאָלוציאָן פון אמס־טערדאמער קאָנגרעס אנערקענט דיא מעגליכ־קייט פון א „סטרייק וואָס פערשפּרייט זיך אי־בער עטליכע עקאָנאָמיש־וויכטיגע טריידס אָדער איבער א גרויסע צאָהל צווייגען פון האנדעל”. זיא לויטעט אויסדריקליך, אז אזא סטרייק „קען זיין א מיטעל צו ברינ־גען וויכטיגע סאָציאלע ענדע־רונגען אָדער צו בעקעמפּפען רעאקציאָנערע פּלענער געגען דיא רעכטע פון ארבייטער”.

אָבער דאָס איז דאָך אייגענטליך א גענעראל־סטרייק. אזוי גוט וויא מען קען ניט פּלאנעווען דיא סאָציאלע רעוואָלוציאָן פאָראויס, אזוי קען מען ניט ארויסרופען אזא גענעראל־סטרייק, אז אלע רעדער פון אינדוסטריע און האנדעל זאָלען בלייבען שטיין. דאָס איז אונמעגליך, ווי שטארק דער פּראָלעטאריאט זאָל ניט זיין אָרגאניזירט. אָבער עס איז מעגליך, אז א „סטרייק וואָס פערשפּרייטעט זיך איבער עטליכע עקאָנאָמיש־וויכטיגע טריידס”, זאָל זיך דערביי ניט אָב־שטעלען, נאָר זאָל זיך פערשפּרייטען נאָך וויי־טער און פיהרען אזוי צו דער סאָציאלער רע־וואָלוציאָן. יעדענפאלס וועט דיא סאָציאלע רע־וואָלוציאָן אזוי און ניט אנדערש אויסברע־כען.

דיא ווארנונג פון קאָנגרעס געגען דיא אנאר־כיסטען מיט זייער פּראָפּאגאנדע פון גענעראל־סטרייק איז דארום, נאָך מיין מיינונג, גאנץ איבעריג. אָבגעזעהן דערפון, דאָס ניט אלע אנאר־כיסטען מיינען סתם אין דער וועלט אריין רופען דיא ארבייטער צו א גענעראל־סטרייק, זיך גאָר ניט רעכענענדיג מיט דיא אומשטענדען אין יע־דען לאנד, האָבען זיי אלע אזא שוואכען איינ־פלוס אויף דעם אָרגאניזירטען פּראָלעטאריאט, דאָס מען האָט גאָר ניט צו פירכטען, אז זיי „וועלען ארויספיהרען דיא ארבייטער פון דעם ווירקליך נויטיגען קאמפּף, וועלכער מוז פּאָרטגע־זעצט ווערען טאָג טעגליך דורך טרייד־יוניאָנס,

פּאָליטישע אקציאָן און קאָאָפּעראציאָן". דער קאָנגרעס האָט ליידער געהאנדעלט אין דיעזען פאל אונטער דעם איינפלוס פון דער האָלענדישער סאָציאל־דעמאָקראטישער פּארטיי, וועלכע האָט גראדע געהאט צו פיהרען א שטארקען און לאנגען קאמפּף מיט דער האלב־אנארכיסטישער פּארטיי פון דעם בעוואוסטען פיהרער דאָמעלא ניווענהויס. דיא האָלענדישע סאָציאליסטען האָבען אין 1903 געהאט א זעהר טרויעריגע ערפאהרונג מיט א גענעראל־סטרייק געגען אן אטאקע פון דער רעגיערונג אויף דיא יוניאָן־רעכטע פון דיא ארבייטער, און זיי זיינען דארום געוואָרען זעהר פּעסימיסטיש וועגען דיזען קאמפּף־מיטעל. אויף זייער קאָנגרעס האָבען זיי אָנגענומען דיא רעזאָלוציאָן, וועלכע זיי האָבען פאָרגעלייגט פאר דעם אינטערנאציאָנאלען קאָנגרעס מיט א לאנגער און זעהר אינטערעסאנטער ערקלעהרונג וועגען די גאנצע פראגע.

אין דיזער ערקלערונג שילדערן דיא האָלענדישע סאָציאליסטען אין קורצען דיא געשיכטע פון דיא ביז יעצט פאָרגעקומענע גענעראל־סטרייקס און זוכען אויסצופיהרען, אז דאָס איז א זעהר געפעהרליכער מיטעל, וואָס מען קען נאָר געברויכען אין אן אויסערסטען פאל, ווען מען האָט קיין אנדער אויסוועג. דערביי זיינען זיי אויך ארויסגעטראָטען געגען דיא אנארכיסטען.

„דיא צומישענעס, ערקלעהרען זיי, וואָס איז ארויסגערופען געוואָרען אין דיא מוחות פון דיא ארבייטער דורך דיא אנארכיסטישע פּראָפּאגאנדע פיר א גענעראל־סטריק אלס אן אלוועלטליכע רפואה מאכט עס פאר אונזער פּפליכט אויסצודריקען אונזער שטאנדפּונקט אזוי קלאָר וויא מעגליך איבער דיזע פראגע. דיזע צומישענעס עקזיסטירט ניט בלויז אין האָלאנד; אין שפּאניען און אין פראנקרייך איז דער געשריי פאר א גענעראל סטריק געוואָרען א מיטעל אָבצוציהען דיא ארבייטער פון דער טרייד־יוניאָן אָרגאניזאציאָן און פון פּאָליטישע אָרגאניזאציאָן און אקציאָן, צוגעוואוינענדיג זיי צו אמוזירען זיך מיט הויך־קלינגענדע אָבער פּוסטע פראזען.

אונזער רעזאָלוציאָן בעטראכטעט די אנארכיסטישע אוטאָפּיע וועגען א גענעראל־סטריק פון צוויי שטאנדפּונקטען. זיא פערווארפט אלס אונפּראקטיש דיא אידעע, אז אלע ארבייטער פון אלע טריידס וועלען בלייבען מיט צוזאמענגעלייגטע הענד און ברייננגען דיא פּראָדוקציאָן צו א שטילשטאנד. זיא ווארנט דיא ארבייטער געגען דיא אילוזיאָן (איינבילדונג), דאָס א גענעראל־סטריק קען מיט איין קראַפּ אומענדערן דיא מאכט פון דיא קלאסען — דיא אילוזיאָן פון ערווארטען א פּלעצליכען אָנקוכ״ן פון דער סאָציאלער רעוואָלוציאָן. אויף דיזע גרינדע פּאָדערט אויף אונזער רעזאָלוציאָן דיא ארבייטער צו היטען זיך געגען א סטריק, וואָס ווערט געפּרעדיגט אלס אָפּאָזיציאָן צו דיא קאמפּף־וועגען, וואָס זיינען שוין אויסגעגלייכט געוואָרען פאר דעם פּראָלעטאריאט.

דארום ערקלערען מיר א קריעג ביז צום טויט געגען דיא אנארכיסטישע פאנטאזיע וועגען גענעראל־סטריק. דיא סאָציאל־דעמאָקראטיע פערשטויסט אבזאָלוט דיזע משונה׳דיגע און געפעהרליכע אנזיכט. אָבער דאָס איז ניט גענוג. לאָזענדיג אָן א זייט דיא אידעע וועגען אן אונבעשרענקטען און ניט רעאליזירבארען סטריק פיר אן אבזאָלוטען סוף, דארפען מיר זיך אויסשפּרעכען איבער א בעשרענקטען און רעאליזירבארן סטרייק מיט א בעשטימטען ציעל, וואָס ווערט אָנגעפיהרט געגען דעם קאפּיטאליסטישען שטאאט.

דאָס איז שוין ניט אן אנארכיסטישע אידעע. דאָס ווערט אונטערשטיצט פון פיעלע סאָציאל־דעמאָקראטישע ארבייטער. דאָס איז פּראָפּאגאנדירט געוואָרען פיעלע יאָהרען פון אונזער פּארטיי אין בעלגיען און שוועדען אלס דער העכסטער מיטעל צו ערווערבען אלגעמיינעס שטימרעכט. צווישען דיא דייטשע גענאָסען פאנגט מען אָן צו דיסקוטירען וועגען דיא מעגליכקייט פון אזא סטריק אין פאל פון אן אטאקע פון דער רעגירונג אויף די פּאָליטישע רעכטע פון פאָלק. דאָס איז ניט א פאנטאסטישע אידעע. דיא ארבייטער פון פערשיעדענע לענדער האָבען איהר עטליכע מאָל אויספּראָבירט אויף דער פּראקטיקע. דיזע אידעע איז דער שלוס פון צוויי סאָרטען אומשטענדען: ערשטענס, דיא וואקסענדע אייניגקייט אין מאכט, דיא שטייגענדע זעלבסטבעוואוסטקייט און אָרגאניזאציאָן פון ארבייטער קלאָס; צווייטענס, דער ניט־ווילען פון דיא רעגיערונגען צו געבען דיא ארבייטער דיא פּאָליטישע רעכטע, וועלכע זיינען נויטווענדיג פאר זייער קאמפּף, און דיא אטאקעס וואָס דיא רעגיערונגען מאכען אויף דיא שוין ערוואָרבענע רעכטע פון דיא ארבייטער אין דער האָפנונג צו פאראליזירען דיא ארבייטער בעוועגונג".

דער אמסטערדאמער קאָנגרעס האָט נאָך א פערהעלטניסמעסיג קורצער דעבאטע אָנגענומען דיא רעזאָלוציאָן פון דיא האָלענדער סאָציאליסטען אין דעם זינען, וויא זיי האָבען עס אויסגעשפּראָכען אין זייער ערקלעהרונג, וועלכע קען גערעכענט ווערען פאר א פּירוש צו דער רעזאָלוציאָן. אין קורצען הייסט עס, אז דיא סאָציאל־דעמאָקראטיע אנערקענט פאָרלויפיג דעם גענעראל־סטריק פיר פּאָליטישע צוועקען, וויא באלד קיין אנדער ברירה איז ניטאָ; דאָס הייסט אלזאָ אפילו אין דעם פאל, ווען דיא פּראָלעטאריער זיינען ניט אזוי פעסט אָרגאניזירט, דאָס זיי זאָלען מוזען זיעגען. זאָל צום ביישפּיעל, דיא דייטשע רעגיערונג פּראָבירען אוועקרויבען

ביי די ארבייטער דאָס אלגעמיינע שטימרעכט, וויא די רעאקציאָנערן סטראשען עס, דאן, הייסט עס, בלייבט פאר דיא דייטשע סאָציאל־דעמאָקראטיע צו נעהמען זיך צו א גענעראל־סטרייק אלס דעם בעסטען און שארפסטען מיטעל.

* * *

דיא אנדערע רעזאָלוציאָנען פון אמסטערדאמער קאָנגרעס זיינען מייסטענס ווידערהאָלונגען פון דיא רעזאָלוציאָנען, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען אויף פריהערע קאָנגרעסען.

אין בעצוג אויף דער רעזאָלוציאָן וועגען דיא פייערונג פון ערשטען מאי איז בעזאָנדערס וויכטיג דיא צוזעצונג צו דיא־פריהערע רעזאָלוציאָנען, אז „דיזע דעמאָנסטראציאָן קען אם בעסטען ווירקען נור דורך אויפהערען צו ארבייטען דעם ערשטען מאי“.

דער לעצטער פונקט פון דיזער רעזאָלוציאָן לויטעט אזוי:

דער קאָנגרעס פאָדערט דארום אויף אלע פּראָלעטארישע אָרגאניזאציאָנען צו האלטען עס פאר זייער פפליכט צו שטרעבען, אז מען זאָל אין גאנצען אָפּשטעלען דיא ארבייט דעם ערשטען מאי, וואו דאָס קען נאָר געטאָן ווערען אָהן שאָדען צו דיא אינטערעסען פון ארבייטער קלאַס“.

דאָס איז אבזאָלוט נויטהווענדיג צו טאָן, אום דער ערשטער מאי זאָל ניט אומגעוואנדעלט ווערען אין אן איינפאכען פאראד, אין א מין מאיאָווקע. אין איניגע לענדער מאכט מען דיא מאי־דעמאָנסטראציאָן אם זאָנטאג, אין אנדערע, דארונטער אויך אין אמעריקא, פייערט מען דעם ערשטען מאי שבת אבענדס, וועהרענד דער ערשטער מאי פאלט גאָר אויס אן אנדער טאָג. אָבגעזעהן דערפון, וואָס אזעלכע פייערונגען זיינען גאָר ניט פערבונדען מיט אן אָבשטעלונג פון דער ארבייט, פערליערט דיא גאנצע דעמאָנסטראציאָן איהר אינטערנאציאָנאלען כאראקטער, איהר ריכטיגען צוועק. שוין בעסער ווירקליך גאָר ניט צו דעמאָנסטרירען אלס צו מארשירען איבער דיא גאסען א שבת אבענד, וויא מען טהוט עס, צום ביישפּיעל, אין ניו־יאָרק. דאָס געלד, וואָס אזא דעמאָנסטראציאָן קאָסט, וואָלט בעסער געווען צו פערברויכען אויף אנדערע זאכען. א דעמאָנסטראציאָן סתם צו מארשירען, וויא איניגע אמעריקאנער יוניאָנס טוען עס אין דעם זאָגענאנטען „לייבאָר דעי“, איז ניט פאר סאָציאליסטען. דאָס איז איינפאך א פאָרמאליטעט, א צערעמאָניע.

קיין וואונדער דארום, וואָס דער ערשטער מאי האָט פערלאָרען זיין בעדייטונג, וואָס דער אינטערנאציאָנאלער ארבייטער יום־טוב איז אויסגעוועבט געוואָרען דורך אזעלכע פאראדען און שפּאציער־גענגע, וועלכע קאָסטען קיינע אָפּפער. ווען מען זאָל ניט רעכענען דאָס געלט, וואָס ווערט אויסגעגעבען פיר מוזיק, פלאגגען און פאקעלען פון דיא יוניאָן־קאסעס.

גאנץ אנדערש אָבער איז עס, ווען מען פייערט דעם ערשטען מאי אין אלע לענדער גראדע אין דעם טאָג, ווען עס פאלט אויס. דאן קריעגט ער דעם אינטערנאציאָנאלען כאראקטער, וועלכען ער דארף טראָגען און צוליעב וועלכען ער איז בעשטימט געוואָרען אויף דעם פאריזער קאָנגרעס אין 1889. דאן ווערט ער אן אויסדרוק פון דיא סאָלידאריטעט פון פּראָלעטאריאט און וועקט צום קאמפף געגען דיא קאפּיטאליסטישע אָרדנונג.

דערצו נאָך ווען מען זאָל זיך טאקי נעהמען אויסצופיהרען דיא אויפפאָדערונג פון אמסטערדאמער קאָנגרעס וועגען אויפהערען צו ארבייטען דעם ערשטען מאי, דאן וועט ער ווירקליך קריגען א רעוואָלוציאָנערען כאראקטער און וועט יאָגען א שרעק אויף אלע עקספּלואטאטאָרס, אויף אלע רעאקציאָנערען, אזוי וויא דיא ערשטע מאי־דעמאָנסטראציאָן.

קורץ, צוויי זאכען זיינען נויטהווענדיג אויפצולעבען דעם אינטערנאציאָנאלען ארבייטער־יום טוב: ערשטענס, צו פייערן איהם ניט אנדערש וויא דעם טאָג, ווען דער ערשטער מאי פאלט אויס; און צווייטענס, ניט צו ארבייטען דיעזען טאָג, וויא פיעל דאָס זאָל ניט זיין פערבונדען מיט פערזענליכע אָפּפער פיר דיא פּראָלעטאריער.

* * *

דער בעשרענקטער פּלאץ פיר אן ארטיקעל ערלויבט מיר ניט אָבצושטעלען זיך אויף אנדערע רעזאָלוציאָנען און אויף איינצעלהייטען, זאָגאר אויף אזא מערקווירדיגע און ריהרענדע פּאסירונג ביי דער ערעפנונג פון קאָנגרעס, ווען צוויי פערטרעטער פון קעמפפענדען פּראָלעטאריאט אין רוסלאנד און יאפּאן, דיא גענאָססען פּלעכאנאָוו און קאטאיאמא, זיינען אויסגעוועהלט געוואָרען אלס וויצע־פּרעזידענטען און האָבען זיך ברידערליך געדריקט דיא הענד אונטער שטירמישע אפּלאָדיסמענטען פון גאנצען קאָנגרעס. דאָס איז געווען א דעמאָנסטראציאָן פאר סאָלידאריטעט און פריעדען, וועלכע האָט דיא אנוועזענדע געריהרט ביז צו טרעהרען.

צום שלוס וועל איך נאָך זאָגען עטליכע ווערטער וועגען א זעהר וויכטיגע נייע רעזאָלוציאָן, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען אויף דעם פאָרשלאג פון דעם בעריהמטען איטאליענישען געלעהרטען און סאָציאליסטישען פיהרער ענריקאָ פעררי.

דיא רעזאָלוציאָן בעציהט זיך אויף דיא אייניגקייט פון סאָציאליסטען אין יעדען לאנד און איז א י י נ ש ט י מ י ג אָנגענומען געוואָרען וויא פאָלגט:

„דער קאָנגרעס ערקלעהרט, דאָס אום דער ארבייטער קלאס זאָל קענען ענטוויקלען זיין פולע קראפט אין דעם קאמפף געגען קאפּיטאליזמוס, איז עס נויטוועגדיג, אז אין יעדען לאנד זאָל נאָר איין סאָציאליסטישע פּארטיי זיין געגען דיא קאפּיטאליסטישע פּארטייען אזוי וויא עס איז נאָר דאָ איין פּראָלעטאריאט אין יעדען לאנד.

דארום איז עס דיא היילגסטע פפליכט פון אלע גענאָסען און אלע סאָציאליסטישע אָרגאניזאציאָנען אָנצושטרענגען אלע כוחות צו ברענגען דיא אייניגקייט פון דער פּארטיי אויף דעם גרונד פון דיא פּרינציפּען, וועלכע זיינען פעסט געשטעלט געוואָרען פון דיא אינטערנאציאָנאלע קאָנגרעסען — דיזע אייניגקייט וואָס איז נויטוועגדיג אין דיא אינטערעסען פון פּראָלעטאריאט, צו וועלכען זיי זיינען פעראנטוואָרטליך פאר דיא אונגליקליכע רעזולטאטען פון א פּאָרטזעצונג פון דיא צערשפּליטערונג אין זייערע רייהען.

אום צו העלפען אין דער אויספיהרונג פון דיזען צוועק, וועט אין דער אינטערנאציאָנאלער סאָציאליסטישער ביוראָ, וויא אויך אלע פּארטייען אין דיא לענדער וואו דיעזע אייניגקייט עקזיסטירט, ברידערליך אָנבאָטען זייערע לייסטונגען און מיטווירקונג".

טראָץ דיעזע פּרעכטיגע רעזאָלוציאָן, טראָץ דעם, וואָס דיא דעלעגאטען פון דער סאָציאליסטישער ארבייטער פּארטיי (ס. ל. פּ.) האָבען אויך געשטימט פאר איהר, דען זיא איז דאָך אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג, ערלויבען זיך יעצט דיא פיהרערס פון דיעזער פּארטיי צו פערקריכען אזוי ווייט אין זייער בלינדען האס צו דער סאָציאל־דעמאָקראטישער פּארטיי, אז אין זייערע רעדעס און שריפטען שרייען זיי: „שטימט אונטער „דיא האנד מיט'ן האמער" פיר דיא ס. ל. פּ. — אלע אנדערע פּארטייען זיינען קאפּיטאליסטישע"...... אָט אזוי פאָלגט עס דעליאָנ'ס קלייזעל דיא רעזאָלוציאָן פון קאָנגרעס פיר דיא אייניגקייט אין סאָציאליסטישע רייהען, וועלכע איז פון אלע אמת'ע סאָציאליסטען אנערקענט אלס א נויטוועגדיגקייט אין דיא אינטערעסען פון פּראָלעטאריאט...... אָה, דיא אונגליקליכע „האנד מיט'ן האמער" — וואָס איז פון איהר געוואָרען? מעהר וויא איבער דעליאָנ'ס קאָפּ קלאפּט זיא ניט.....

דאכט זיך, אז ענריקא פערי דארף אפילו פון דיא אונקאָמפּראָמיסלאָזעסטע אונקאָמפּראָמיסלער פון דעליאָנ'ס דול־הויז אנערקענט ווערען פאר א רעוואָלוציאָנערן סאָציאליסט, דען ער איז א פייערדיגער געגנער פון דיא זאָ־גענאנטע „רעוויזיאָניסטען" און דער אָנפיהרער געגען טוראטי'ס פּארטיי. פון דעסטוועגען האָט ער ניט נאָר פאָרגעשלאָגען דיא אייניגקייט־רעזאָלוציאָן, זאָנדערן איז בערייט צו ארבייטען מיט אלע קרעפטען פאר דיא אייניגקייט פון אלע סאָציאליסטישע פראקציאָנען אין איטאליען. איך גלויב, אז אפילו פאפּסט דעליאָן דער ערשטער און דער לעצטער וועט גנעדיגסט צוגעבען, דאָס דיא מיטגליעדער פון דער ענגלישער סאָציאל־דעמאָקראטישער פּארטיי זיינען גענוג „אונקאָמפּראָמיסלאָז" און דאָס היינדמאן איז ניט א „פייקיר", פון דעסטוועגען שרייבט דיא „דזשאָסטים", דער אָרגאן פון דער ענגלישער סאָציאל־דעמאָקראטישער פּארטיי, פאָלגענדעס וועגען דיא אייניגקייט־רעזאָלוציאָן:

„פיליייכט דאָס וויכטיגסטע אויף דעם אמסטערדאמער קאָנגרעס איז געווען דיא אבשטימונג דורך אקלאמאציאָן (אויסגעשרייען פון צופריעדענהייט) פון אלע דעלעגאטען איבער דער רעזאָלוציאָן צו גונסטען פון א פולע אייניגקייט פון דער סאָציאליסטישער פּארטיי אין יעדער נאציאָנאליטעט. וויא וואנדערוועלדע, מיט וועמען מיר שטימען ניט אלע מאָל, האָט עס געלונגען אויסגעדריקט: „מארקס האָט גערופען דיא ארבייטער פון אלע לענדער זיך צו פעראייניגען; מיר בעטען רחמים דיא ארבייטער פון יעדען לאנד זיך צו פעראייניגען". קיין זאך איז מעהר ניט אזוי ווינשענסווערטה אין דיעזען מאָמענט וויא דיעזע אייניגקייט. סאָציאליסטען, וואָס האָבען ניט צו אינטריגירען פאר מיניסטער־פּאָרטפעלען, וואָס ווינשען ניט קיין פּערזענליכע בעהערשונג, דארפען זיכער זיין אין שטאנד צו ארבייטען פיר די ערלייזונג פון דיא ארבייטער קלאסען אין איין סאָלידער קערפּערשאפט. נאטירליך, עס מוזען זיין מיינונגס־פערשידענהייטען, און מיר קענען ניט ערווארטען אויסצומיידען פון צייט צו צייט פּערזענליכע פיינדליכקייטען. אָבער דיא פערגרעסערונג פון סאָציאליסטישען איינפלוס וואָלט איבעראל אונגעהייער פערשנעלערט געוואָרען, ווען נאָר אלע סאָציאליסטען וואָלטען בעשלאָסען אזוי, וויא דיא ענגלישע דעלעגאטען האָבען עס געטאָהן אין אמסטערדאם, דאָס ווען שוועריגקייטען וועלען פאָרקומען, זאָל מען קומען צו א פערשטענדיגונג צווישען זיך זעלבסט אָהנע צו מאכען שעדיגענדע בעקאנטמאכונגען פון שטרייטיגקייטען פאר'ן פּובליקום. סעקציאָן־שטרייטיגקייטען זיינען הפנים אונפערמיידליך אויף דיא ערשטע שטופען פון יעדער גרויסער בעוועגונג; אָבער דורך ערפאהרונג און א געפיהל פון פעראנטוואָרטליכקייט ווערט דער נוצען פון אייניגקייט אזוי אויגענשיינליך, אז דער ביטערסטער פּארטיזאן (אנהענגער) קען קוים צומאכען זיינע אויגען".

איך ווייס נאָך ניט, וואָס אזא פערביסענער אָרטהאָדאָקסישער מארקסיסט, וויא זשול געד,

האָט ערקלעהרט וועגען דיא איינינקייט־רעזאָלו־ציאָן. פיליכט איז ער אזוי ענטשיעדען געגען א פעראייניגונג מיט דיא זשאָרעסיסטען וויא פריהער. אָבער איך בין יעדענפאַלס זיכער, אַז וויא ביטער ער זאָל ניט פּאָלעמיזירען מיט זיינע געגנער, וועט ער זיך קיין מאָל ניט ערלויבען צו ערקלערען, אז די זשאָרעסיסטען, אַלעמאַניסטען, בלאַנקיסטען און אַנדערע פראַקציאָנען פון דער פראַנצויזישער סאָציאליסטישער פארטיי זיינען קאפּיטאליסטישע פּארטייען. איבערהויפּט קיין סאָציאַליסטישער אנפיהרער אין אייראָפּא האָט ניט געוואגט אזוי שענדליך און דום צו אטאקירען זיינע געגנער אין דיא רייהען פון קעמפּפענדען פראָלעטאריאט, וויא דיא פיהרערס פון דער קלעגליכער סאָציאַליסטישער ארבייטער פארטיי פון אמעריקא. זשול געד און זשאָרעס אין פראנקרייך, ענריקא פעררי און טוראטי אין איטאליען האָבען צו שטרייטען וועגען עפּעס וויכטיגערע אנגעלעגענהייטען, וויא „דיא האנד מיט'ן האַמער" געגען „דיא האנד מיט'ן פאקעל", וועלכע האלטען ביידע דיא פּלאטפאָרמע פון אינטערנאציאָנאַלען סאָציאַליזמוס, פון דעסטוועגען טרעפען זיי זיך צוזאמען אין צענטראל־קאָמיטעטען און שטימען אויך צוזאמען אין פארלאמענטען, ווען דיא אינטערעסען פון פּראָלעטאריאט פאָרדערן עס.

נאָר אונז אין אמעריקא איז באשערט צו האָבען אזא טרויעריגע וויא עקלהאפטע אויסנאהמען; נאָר דאָ זיינען מיר געבענשט מיט א סאָציאליסטישען דאָן־קיכאָט, וואָס קעמפּפט מיט'ן „האמער" וויא זיין שפּאנישער פּראָטאָטיפּ מיט ווינטמיהלען, נאָר דאָ האָבען מיר מיטגליעדער פון א סאָציאַליסטישער פראקציאָן, וועלכע האנדלען אייגנפאך וויא אנטלאָפענע פון א דולהויז. אָבער גליקליכערוויזע זיינען דיא יאָהרען פון דער דעליאָניסטישער קלייזעל געצעהלטע, און מען מעג האָפען, אז צום נעכסטען אינטערנאציאָנאַלען קאָנגרעס אין שטוטגארט אין 1907 וועט דער פּראָלעטאריאט פון אונזער רעפּובליק פערטראָטען זיין פון איין סאָציאליסטישע פארטיי.

פּ. קראַנץ.

ווען דיזער אַרטיקעל איז שוין געווען אויסגעזעצט, האָב איך געפונען אין א בעריכט איבער דעם ברעמענער פארטיי טאָג פון דער דייטשער סאָציאל־דעמאָקראַטיע, אז מען האָט בעשלאָסען צו שטעלען דיא פראגע וועגען גענעראל־סטרייק אויף דער טאגעסאָרדנונג פון דעם נעכסטען פארטיי טאָג, וואָס וועט אָבגעהאלטען ווערען אין יענא. איינינע האָבען אויסגעשפּראָכען דיא מיינונג, אז עס איז נאָך ניט דיא צייט צו בעשעפטיגען זיך אין דייטשלאנד מיט דיזער פראגע. אנדערע האָבען ערקלערט, אז מען מוז גראדע גאנץ גוט און ערנסט טראכטען וועגען א גענעראל סטרייק, ווייל דיא רעאקציאָנערען סטראשען אָבצושאפען דאָס אלגעמיינע שטימרעכט, אום דערמיט צו שטערען דעם פאָרטשריט פון סאָציאליזמוס. אינטערעסאנט איז, אז עדוארד בערנשטיין איז אויך ארויסגעטראָטען פאר דעם פאָרשלאָג. מעג מען מיך רעכענען פאר א מעסיגען סאָציאליסט, וויא מען וויל, האָט ער בעמערקט, נאָר אין דעם פאל איז מעסיגקייט א צייכען פון שוואכקייט. דיא דייטשע פּראָלעטאריער מוזען זיין פאָרבערייטעט צו דיזען שריט, אום צו פערטהיידיגען זייערע רעכטע. ווען דיא רעגירונג וועט וויסען, אז דיא דייטשע ארבייטער וועלען זיך ניט אָבשרעקען פאר א גענעראל־סטרייק, וועט זיא זיך היטען אָנצוגרייפען דאס אלגעמיינע שטימרעכט.

דאָס איז גאנץ רעכטיג. יעדענפאַלס איז עס אזוי וויכטיג וויא אינטערעסאנט, דאָס אפילו דיא דייטשע סאָציאל־דעמאָקראטיע מוז זיך יעצט רעכענען מיט דער פראגע וועגען גענעראל־סטרייק, א פראגע, פון וועלכער זיא האָט נאָך מיט עטליכע יאָהר צוריק אפילו ניט געוואָלט הערען און וועלכע זיא האָט בעטראכטעט אלס אַן אונזין.

פּ. ק.

# א ווינטער־מאָטיוו

עס רוקט זיך אָן דער ווינטער,
מיר נעהמט פון שרעק אזש גרוילען:
ביז יעצט האָט בחוט געפעהלט מיר—
איצט פעהלט דערצו נאָך קוילען.
און טראכט איך פון א בגד,
דאן שטאַרבט מיר יעדער אבר,
איך בין דעם מת מקנא,
ער ליגט בעקליידט אין קבר.

יאָנקערס, נ. י. — ה. רויזענבלאַט.

# די „באבושקא" איבער איהרע אידישע אייניקלאך אין אמעריקא.

קען איינער פאהרט אין איין נייעם ארט, האט ער ווילענדיג-ניטווילענדיג אביסעל מורא פאר דעם, וואס איהם ערוואַרטעט דאָרט. וויא וועט מען איהם אויפנעהמען? וועט מען איהם פערשטיין? וועט מען איהם אננעהמען אזוי, וויא ער איז, אדער עס וועט איהם אויסקומען צו ברעכען זיין כאראקטער, צו ענדערן זיינע אנזיכטען איבער מענשען און ערשיינונגען? איבערהויפט איז דאס דער פאל מיט איין עלטערן מענש, וועלכער האט שוין אויסגעארבייט זיינע אנזיכטען און פעסטע פרינציפען, וועט דיא נייע אומגעבונג אפלאכען פון איהם מיט זיינע פריציפען, אדער וועט זיי אין גאנצען פון זיך אפשטויסען?...

איך מוז מודה זיין, אז דיזע געדאנקען זיינען מיר געקומען אויף'ן זינען, ווען איך האב זיך געקליבען צו פאהרען קיין אמעריקא, און וואס נעהענטער איך בין געקומען צו דער נייער מדינה, אלץ שטארקער האבען מיר דיא געדאנקען געדריקט. איך האב, נאטירליך, געוואוסט, אז אין אמעריקא עקזיסטירען ניט נאר לאקאלע סאָציאליסטישע ארגאניזאציאנען, נאר עס זיינען אויך פערהאנדען ברענטשעס פון אייראפייאישע און אפילו פון רוסישע רעוואלוציאנערן. נאר וואס פיר א ווערדע, האב איך מיר געטראכט, קענען האבען קליינע גרופען פון מענשען, וועלכע זיינען פערווארפען אין פרעמדע מקומות און קענען קיין אנטהייל ניט נעהמען אין דעם גאנג פון דער געשיכטע? וואו איז דער גרונד, וואו זיינען דיא ווארצלען, אויף וועלכע דיא גרופען זאלען זיך קענען שטיצען אום איין אנטהייל צו נעהמען אין דעם גאנג פון דער געשיכטע? אזוי האב איך מיר געטראכט און איך האב שוין אין פאראויס בעשלאסען צו זיין ניט מעהר וויא א גאסט און בלויז אויפפאסען צו זיין טאקטיש אין אונזערע געגענזייטיגע בעציהונגען איינע צום אנדערן און וואס וועניגער זיך אפזאגען פון מיינע פרינציפען און טראדיציאנען.

נאך זעכציג יאהר לעבען אין רוסלאנד און אין סיביר, איז שווער פיר א רוסישען רעוואלוציאנער מיט א מאהל אנצונעהמען דיא רעוואלוציאנערע בעוועגונג, וועלכע עקזיסטירט אין וועסט אייראפא און א פשיטה שוין אין אמעריקא.

היינט שטעלט זיך פאר, וויא גרויס איז געוועזען מיין ערשטוינונג, אז מיט דעם ערשטען שריט, וואס איך האב געמאכט אויף דעם באָדען פון אמעריקא, האב איך מיך געפונען ניט נאר אין א בעקאנטע, נאר אין דיא אייגענע, היימישע אטמאספערע. איך האב גלייך געקענט ריידען און ווירקען, אהנע זיך צו ברעכען, אהנע זיך צו פערשטעלען, נאר בלייבענדיג אזוי וויא איך בין. דיא צייט איז געגאנגען און איך האב מיך אלץ מעהר און מעהר איבערצייגט, אז מיר פון דיא אלטע רוסישע רעוואלוציאנערע שולע, וועלכע האבען דורכגעמאכט דיא רוסישע רעוואַלוציאנערע בעוועגונג, האבען אין אמעריקא פריינד, וועלכע ניט נאר וואס זיי סימפאטיזירען מיט אונז, נאר זיינען בערייט אונז צו העלפען אין אונזער קאמפף מיט דעם דעספאטישען צאר.

פון וואנען האט זיך דאס גענומען? ווער האט דאס פערבערייטעט אין דיא ווייטע מדינה, וועלכע איז אפגעטהיילט פון אונז מיט א גרויסען ים, וואס האט — פרעג איך — פערבערייטעט פיר אונז דעם גאסטפריינדליכען עמפפאנג און דעם וואונש אונז צו העלפען מיט אלע מיטעל?

אך, פריינדע! דעם ענטפער דערויף גיט אונז דיא גרויסע חכמה — דאס לעבען, וואס קימערט זיך ניט וועגען דיא ציעלען, וואס דיא פערדארבענע מענשען שטעלען זיך, נאר פערקעהרט, זיא פערוואנדעלט זייער גיפטיגע געוועהר געגען זיי גופא. אזוי האט אויך דא פאַסירט.

דעם צאר'ס רעגירונג, מיט דער הילפע פון אזעלכע משרתים וויא פלעהווע, האט ניט געקענט אויסטראכטען עפעס בעסערעס פיר איהר אייגענע רעטונג, וויא ווילדע, בארבארישע אונטערדריקונג. איינע פון פלעהווע'ס בעליעבטע מיטעל איז געוועזען צו טרעטען מיט דיא פיס דיא אונטערדריקטע „פרעמדע" פעלקער, בעזאנדערס דיא אידען. דיא אונערטרעגליכע לאגע פון דיא אידען אין רוסלאנד האט זיי געצוואונגען צו

זוכען א מקום מנוחה אין אנדערע לענדער, וואו מען האט זיי געגעבען מעהר פרייהייט. נאר, ווען אויף דעם בעפעהל פון פּלעהווע האבען זיך אנגעהויבען דיא שרעקליכע פּאגראמען אין 1881, האט דער יונגער אינטעליגענטער דור איינגעזעהן, אז ער האט ניכטס צו ערווארטען פון דעם צאר'ס רעגיערונג פיר זיין אונגליקליכער פאלק, און מען האט אנגעהויבען מאסענווייז אריבערצופאהרען קיין אמעריקא. הונדערטע און טויזענדע פון אידישע יוגענד — מענער וויא פרויען — האבען אריבערגעבראכט נאך אמעריקא א פייערדיגען ענטוזיאזם, א געוואלדיגע ענערגיע און א שטארקען גלויבען אין זייערע אייגענע קרעפטע.

25 יאהר צוריק אין מזרח, אין מערב, אין צפון און אין דרום פון דיא פעראייניגטע שטאאטען האבען אנגעהויבען זיך צו גרינדען קאמונעס. איינע נאך די אנדערע זיינען געזעלשאפטען געגרינדעט געווארען אויף אחדות און ברידערליכקייט, אויף דעם פּרינציפּ צו מאכען דעם לעבען פערנינפטיג און גליקליך פיר אלעמען. זעהר פיעל מיה און ענערגיע איז דערויף פערוועדעט געווארען ביז מען האט איינגעזעהן, אז עס לוינט זיך ניט צובויען א נייעם בנין אויף איין אלטען, פערפוילטען פונדאמענט. אבער זייער ארבייט, זייער מיה, זייער שרעקליכע אנשטרענגונג זיינען ניט פערלארען געגאנגען אומזיסט. אָה, וויא פיעל זייער אנשטרענגונג האט אויפגעטאן! תמיד ארבייטענדיג, דיינקענדיג, לערנענדיג, האבען דיא יונגע אנפיהרער ניט נאר אויסגעארבייט א פעסטען כאראקטער פיר זייער גאנצען צוקינפטיגען לעבען, זיי האבען ניט נאר ערווארבען קענטניסע, ערפאהרונג און א געוויסע פּאזיציאן, זיי האבען ניט נאר זיך ערווארבען א גוטע רעפּוטאציע איבער גאנץ אמעריקא אלס עהרליכע ארבייטסזאמע און זעלבסטשטענדיגע מענשען — אויסער דיא אלע מעלות האבען דיא ערשטע עמיגראנטען בעשטימט דעם פּלאץ פון רוסישען אידען אין אמעריקא אלס דעם טרעגער פון בילדונג און דעם פּארקעמפּפער פון סאציאליסטישע אידעען. עס קען זיין, אז דער שטאלצער אמעריקאנער איז זיך ניט מודה אין דעם אפען, ער קען אבער ניט אפּלייקענען, אז אין אלע וויסענשאפטליכע און זשורנאליסטישע אונטערנעהמונגען שפּיעלען דיא געבילדעטע אידען דיא גרעסטע ראָלע, מיט ברייננענדיג מיט זיך ניט נור זייער ארבייט, נאר זייער איניציאטיווע, זייער דרייסטען געדאנקען, וועלכע זיי האבען אויסגעלייטערט אויף'ן קאמפּפס־פעלד; זיי קענען ניט אפּלייקענען אז אין אלע צווייגען פון געזעלשאפטליכען לעבען, וויא מעדיצין, יוריספּרודענץ, פּעדאגאגיק און ז. וו. ערשיינען דיא אידען אלס דיא בעסטע ארבייטער.

וואסווייטער? מען האט געקענט ערווארטען, אז יונגע ענטהוזיאסטען וועלען ביסלעכווייז ווערען דורכגעדרונגען מיט א נייע אטמאספערע און וועלען אין גאנצען פערגעסען זייער פריהערדיגען פאטערלאנד מיט זיינע צרות און מיט דעם אונגליכען קאמפּף, און וויא קען מען איבערהויפּט העלפען רוסלאנד, ווען מען וואהנט גאר אויף איין אנדער וועלט?

אין דער אמת'ן איז אבער ארויסגעקומען אנדערש. וויא מען האט פון אנהויב אן געקענט ערווארטען, זיינען דיא קאמונעס איינע נאך דיא אנדערע צו גרונדע געגאנגען; דאן האבען זייערע אנפיהרער פון דאס נייע געווענדעט זייערע בליקען צו זייער אונגליקליכען פאטערלאנד, וואו עס איז אנגעגאנגען א קאמפּף אויף לעבען און טויט, צום פאטערלאנד, וואס האט זיי בעהאנדעלט וויא דיא ערגסטע שטיפ־מוטער. און זיי האבען געהאלפען און העלפען יעצט, וואו זיי נאר קענען.

אין יאהר 1887 פאנגען זיי אן איין אגיטאציע איבער גאנץ אמעריקא געגען דעם טראקטאט וועגען ארויסגעבען צו רוסלאנד „פּאליטישע פערברעכער“. זיי דרוקען פּראקלאמאציאנען, האלטען פּראטעסט־פערזאמלונגען, און זוכען צו ערקלעהרען דעם אמעריקאנער פאלק דורך ווארט און שריפט דיא געמיינהייט און ניעדערטרעכטיגקייט פון דעם רוסישען דעספּאטיזמוס. דורך דיא איניציאטיווע פון דיא רוסישע אידען האט מען דאן אויך אנגעפאנגען ארויסצוגעבען זשורנאלען און צייטשריפטען מיט סאציאליסטישען טענדענץ. עס הייבען זיך אן צו בילדען ארגאניזאציאנען און גרופּען מיט דעם ציעל צו אונטערשטיצען דיא רוסישע סאציאליסטישע בעוועגונג מיט געלד וויא אויך מאראליש, און מיר, שמאכטענדיג אין דיא וויסטע סיבירישע דערפער און טורמעס, האבען ניט איין מאל געשיקט אונזער הייסען דאנק צו אונזערע אמעריקאנער גענאסען דערפאר וואס זיי פערגעסען ניט אן אונז און שטיצען אונז מיט ביכער און מיט געלד.

דיא גאנצע אויפפיהרונג, דיא גאנצע דיינקונגס־ווייזע פון דעם אידישען יוגענד, וועלכע איז פערווארפען געווארען קיין אמעריקא דורך דיא פּאגראמען, האבען געדיענט אלס ביישפּיעל ניט נאר פיר דיא דאמאלסדיגע אומגעבונג, נאר אפילו פיר דיא שפּעטערע עמיגראנטען פון רוסלאנד. די אלטע קאמפּף־טראדיציאנען זיינען אזוי טיעף אריינגעדרונגען אין דעם לעבען פון דיא רוסיש־אידישע עמיגראנטען, דאס ווען אין רוסלאנד האט זיך ווידער אויפגעלעבט, נאך א לענגערן שטילשווייגען פון דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג, א קעמפּפענדע יוגענד, וועלכע איז געצוואונגען געווארען צו פערלאזען דאס פּא־

טערלאַנד דורך דיא טיראַנניי פון סיפּיאַגינס און דורך דיא קישינעווער בלוט־באָד, האָט זיא, דיזע יוגענד, אין אמעריקא דיא מעגליכקייט פאָרטצוזעצען, וואָס איז אָנגעפאנגען געוואָרען פון איהרע פאָרקעמפּפער.

אין ניו יאָרק אליין זעהען מיר הונדערטע און טויזענדע רוסיש־אידישע ארבייטער און אינטעליגענטע מענשען, וועלכע געהערען צו סאָציאַליסטישע פארטייען, יוניאָנס און אָרגאַניזאציאָנען, און זעלטען ווער פון דיא עמיגראנטען האָט פערגעסען, אז דאָרט, וויט־ווייט, האָט ער איבערגעלאָזען מיליאָנען אונגליקליכע נפשות און דיא גיפטיגע טויט ברענגענדע לאַפּעס פון דער רוסישער רעגיערונג; זעלטען ווער עס הערט אויף צו דיינקען וועגען דעם, וויא צו העלפען דיא רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג אין רוסלאַנד, און יעדר איז בערייט צו העלפען זיינע אינגליקליכע ברידער, וועלכע זיינען אזוי וויט פון איהם, מיט אלע מיטעל.

מיר זעהען אַלזאָ, אז צוויי דורות פון דיא אידישע רעוואָלוציאָנערן, זייענדיג געצוואונגען צו פערלאָזען זייער פאטערלאנד דורך דיא אונמענשליכע פערפאָלגונגען און דורך דיא שרעקליכע פּאָגראָמען, האָבען בעשאפען אין אמעריקא איין אטמאָספערע, וועלכע איז גינסטיג פאר אלע פארטייען, וואָס פיהרען א קאמפּף אויף לעבען און טויט מיט דעם רוסישען דעספּאָטיזמוס. אָט דיא פריינדליכע אטמאָספערע, וועלכע איז דורכדרונגען פון ליכט און טאַפּפערקייט, גיט אונז, דיא פעריאָגטע, דיא מעגליכקייט צו שעפּען נייע קראפט, נייע האָפנונג. אָט די פערטריעבענע האָבען בעוויזען צו מאכען פיר אונז פריינדע צווישען דיא אמעריקאנער, בעקאנט מאכענדיג זיי מיט דיא שוידערליכע צושטענדע פון רוסלאנד און מיט דיא קעמפּפע, וועלכע דאָס רוסיש פּאָלק ווענדעט אָן, אום זיך צו בעפרייען פון דעם טיראַנ׳ס הערשאפט.

עהרע און רוהם (סלאַווא) דיר, דוא מוטהיגע און אין קאמפּף אונערמידליכע אידישעס פּאָלק. דו שטעלסט העכער פון אלעם דיין מענשענווערדע און וועסט אויף פערנעהמען דעם פּלאַץ, וועלכען דוא פערדיענסט.

קאטערינא ברעשקאָווסקאיא.

ניו יאָרק דעם 9 נאָוועמבער, 1904.

---

דיא נאָבעלע פרוי, וועלכע האָט אָנגעשריעבען ספּעציעל פיר דיא „צוקונפט" דעם אָביגען אַרטיקעל, איז א זעלטענע פיגור אפילו אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, וועלכע איז אזוי רייך אין ערהאבענע כאראקטערען, אין אָפּפערוויליגע העלדען, אין הייליגע מארטירער. זיא האָט ווירקליך פערדיענט דעם נאָמען „באַבושקא" פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג. נאָך אלס יונגע מיידעל האָט זיא זיך געשטעלט אין דיא פאָדערסטע רייהען פון דיא העלדישע קעמפּפער פיר פרייהייט אין רוסלאנד און, מען קען זאָגען, אז פערציג יאָהר פון איהר עדלען לעבען האָט זיא פערבראַכט אין קוואלען און פּייניגונגען אונטער דער רוסישער קנוטע.

אָבער ניט לאַנג יעהריגע געפענגניס, ניט קאַטאָרגע, ניט איבער צוואנציג יעהריגע שמאכטונג אין סיביר האָבען געטויטעט דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט פון דיעזע אייזערנע פרוי. יעצט, ווען זיא איז שוין אריבער 60 יאָהר, איז זיא אזוי קאמפּף־לוסטיג, אזוי פייערדיג רעוואָלוציאָנער, אזוי בערייט זיך אָפּצוגעבען מיט לייב און לעבען פאר דעם וואָהל פון רוסישען פּאָלק, וויא א יונגער ענטהוזיאסט. יעדע גרויע האָאר אויף איהר עדלען קאָפּ שטעלט פאָר א רייהע צרות און ליידען, — אזעלכע ליידען און שמערצען, וואָס נאָר אזא אייזערנע נאטור האָט געקענט אריבערטראָגען און בלייבען געזונט גייסטיג און קערפּערליך; דאָך יעצט, ווען איהר איז ענדליך געלונגען ארויסצורייסען זיך פון דיא בלוטיגע נעגעל פון דער רוסישער טיראנניי און ווען זיא וואָלט געקענט רוהיג און פריעדליך ענדיגען איהרע יאָהרען — אויך יעצט קעמפּפט זיא מיט יוגענדליכען מוטה און בלייבט אין רעכטען מיטען פייער פון דעם טעראָריסטישען קאמפּף, וועלכער האָט זיך פאנאנדערגעפלאַקערט מיט דער גרינדונג פון דער „באָיעוואיא אָרגאניזאציא" פון דער פּארטיי סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערן; אויך יעצט גיט זיא אָפּ יעדע מינוט פון איהר לעבען צו א קאמפּף אויף לעבען און טויט מיט דעם צאַריזמוס, מיט דער שוידערליכער טיראַנניי.

וואָס פאר אן ערהאבענער בייספּיעל פון עדעלמוטה און אָפּפערוויליגקייט דאָס איז פיר דיא יונגע דורות! און וויא הויך מען דארף שעצען און טיעף ליעבען אזא רוסישע לואיזע מישעל!

קיין וואונדער דארום, וואָס זיא האָט ארויסגערופען אזא בעגייסטערונג, ווען זיא איז אָנגעקומען אין אונזער דאָלאַר־רעפּובליק אלס דעלעגאטין פון דער פּארטיי סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערן צוזאמען מיט אונזער ווערטהען מיטארבייטער דר. שיטלאָווסקי. פון דער אנדער זייט איז עס אויך קיין וואונדער ניט, וואָס דיעזע מאָמענטאנע בעגייסטערונג האָט געווירקט אויף דיזער אלטער רעוואָלוציאָנערין, אז זיא זאָל דענקען צו פיעל וועגען איהרע אמעריקאנער אייניקלאך. אויפריכטיג גערעדט, פערדיענען מיר ניט דיא קאָמפּליטענטען און שבחים, וואָס זי דריקט אויס מיט אזא פולע הארץ.

דיא רעדאקציאָן.




# וועגען ארבייטער שוץ־געזעצען

„דיא אינטערנאציאָנאלע פעראייניגונג צו בעשיצען דיא ארבייטער“ — איהרע אויפ־גאבען, איהר ביוראָ און איהרע קאָנגרעססען.

אין אָנפאנג פון 19טען יאהרהונדערט האָבען אין ענגלאנד גענומען זיך בעוויזען און פארטיג ווערען דיא ערשטע פרות פון קאפיטאליסטישען עץ החיים. דיא פרות זיינען געוואַקסען גרויס, שעהן פון דרויסען, רייף און צאָהל. פאבריקען און מאשינען, צוזאמען מיט דער פרייהייט צו טאָהן אלץ, צו געהן איבעראל, האָבען זעהר פאָלר־בעט דעם קאפיטאליסטישען קלאס און איהם פערשאַפט אין דער גאנצער וועלט פעטע פראָפי־טען, גרויסע קאפיטאלען. דאָס אלץ האָט ארויס־גערופען אזא צופריעדענהייט און בעגייסטערונג ביי דיא קאפיטאליסטען און זייערע פריינד, אז מען האָט גענומען זינגען פזמונים צו דער „נייער“ גליקליכער „שיינער“ וועלט, „דער בעס־טער פון אלע וועלטען“.

„לאָז קאפיטאל פיהרען דיא גרענדע, גיט דיא קאפיטאליסטען וואָס מעהר פרייהייט, בינדט ניט ביי דיא אונטערנעהמער דיא הענד מיט קיי־נע געזעצען, און אויף דער וועלט וועט ווערען א גן־עדן“, אזוי האָבען געשריען אין איין קול דיא דאמאָלסדיגע פילאָזאָפען, געלעהרטע, פאָליטיקער און שרייבער.

זיי האָבען אלע גאָר ניט געמערקט, אָדער זיך ניט געמאכט זעהענדיג, אז דיא אלע „גלי־יען“, דיא גרויסע עשירות, וועלכע דער קאפי־טאליזמוס ברייגגט א קליינעם הייפעל אונטער־נעהמער, זיינען פערבונדען מיט אונגליקען און צרות פאר דיא גרויסע מאסען מענשען, וועלכע שאפען דיא עשירות. זיי האָבען ניט בעמערקט אָדער ניט געוואָלט בעמערקען דעם וואָרים, וואָס ליעגט טיעף בעגראָבען אין יעדער קאפיטאליסטי־שער פרי: דיא הארצלאָזע עקספּלואטאציאָן און שינדעריי פון דיא ארבייטער מאסען.

זיי האָבען גאנץ גוט געוואוסט, אז דיא פאבריקאנטען פון דיא נייע „בליהענדע“ אינדוס־טריען שלעפען ארוים טויזענדער קליינע קינדער פון דיא הייזער, עקספּלואטירען זיי, מאטערן זיי, זויגען פון זיי אויס זייערע יונגע כוחות, מארך און בלוט. זיי האָבען געוואוסט אז צוליעב דעם ניט דערעסען ניט דערשלאָפען, איבערמאטערניש און דעם לעבען אין שמוץ שטארבען דיעזע אונ־גליקליכע קינדער טויזענדערווייז, אָדער בלייבען קאליקעס אויפ׳ן גאנצען לעבען. זיי האָבען גאנץ געגוי געוואוסט, אז דיא ארבייט פון דיא ערוואק־סענע מענער איז געוואָרען פיעל מעהר אָנגע־שטרענגט, דיא שטונדען פיעל לייגגער, דער לעבען שווערער, דיא פארדיענסטען קלענער, און אז אויסער דיא מענער און דיא קינדער זיינען אויך דיא פרויען געוואָרען א „סחורה“ פאר דיא פאבריקאנטען, אז אויך זיי האָט מען גענו־מען אריינציהען אין דיא פאבריקען.

דאָס אלץ האָט אָבער ניט אויף א האָאר געשטערט זייער שמחה און ניט פארקלענערט

זייער בעגייכטערונג פאר דיא „פרייהייט“ פון קאפיטאל צו טאָהן וואָס ער טהוט, צו עקספלואטירען וויא ווייט ער קען. דיא קאפיטאליסטישע פרות זיינען געוואקסען אלץ גרעסער און שעהנער, אָבער נאָך שנעלער איז געוואקסען זייער אינוועניגסטער וואָרים. אין מאנטשעסטער און ארום האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעווייזען געפעהרליכע אָנשטעקענדע קראנקהייטען, עפידעמיעס; מען האָט גענומען אונטערזוכען און מען האָט ענטדעקט אזוי פיעל רציחות, אכזריות און רויבעריי אין דער בעהאנדלונג פון דיא יונגע ארבייטער אז מען איז נשתומים געוואָרען.

דיא שונאים פון דיא קאפיטאליסטען, דיא פארטיי פון דיא לענדלאָרדס (לאנדבעזיצער), וואָס האָט לאנג געפיהרט דיא גרענדע, וואָס האָט אליין עקספלואטירט דאָס לאנד דורך הויכע אבצאהלונגען אויף תבואות, אָבער וואָס האָט איצט געמוזט נעהמען אָפּטרעטען דעם ערשטען פלאַץ פאר דיא נייע בעלי־בתים, דיא קאפיטאליסטען. זיי האָבען דאָ געפונען א שעת הכושר און גענומען מרעיש עולם זיין אין פארלאמענט געגען דיא קאפיטאליסטישע מענשענשינדעריי. צו זיי זיינען צוגעשטאנען א פּאָאר מענשען־פריינד, אידעאליסטען. דיא ארבייטער אליין האָבען אויך ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו פארשטיין וואָס פאר א גיהנום עס איז פאר זיי דער קאפיטאליסטישער גן־עדן.

אָט אזוי זיינען אין ענגלאנד אוועקגעלייגט געוואָרען דיא התחלות, אי פאר דיא ארבייטער בעוועגונג, אי פאר דיא בעשיצונג פון דיא ארבייטער דורך געזעצען. מען האָט גענומען איינהאלטען א ביסעל דורך ארבייטער שוץ־געזעץ דיא רויבערישע געפיהרען און וואלפישען אפעטיט פון דיא פאבריקאנטען. מען האָט איינגעפיהרט פאבריק־אינספעקטאָרען וואָס זאָלען זעהען אז דיא געזעצען זאָלען דורכגעפיהרט ווערען.

זעהר קליין און בעשיידען זיינען געוועזען דיא ערשטע געזעצען צום שוץ פון דיא ארבייטער. שיצען האָט מען געוואָלט אין אָנפאנג נאָר קליינע קינדער, שפעטער אויך ניט־דערוואקסענע און פרויען. דער שוץ אליין האָט געזאָלט אָנגעווענדט ווערען נור אין דיא בוימוואָל־אינדוסטריע און געהן זעהר ניט ווייט. א 10־שטונדיגער־ארבייטסטאָג איז געוועזען דער אידעאל פון דיא „בעשיצער“. און דאָס האָבען זיי דערגרייכט נאָך לאנגע קעמפפע און א סך ניעדערלאגען אין מיטען פון פאָריגען יאהרהונדערט.

אונטערדעסען האָט דער קאפיטאליזמוס זיך פארשפרייט אין אלע לענדער פון אייראָפּא און אויך אין אמעריקא. ניט איבעראל זיינען דיא „גליקען“ געוועזען אזוי גרויס און דיא פרות אזוי רייך און שעהן, וויא אין ענגלאנד. איבעראל איז אָבער דער וואָרים פון עקספלואטאציאָן און שינדעריי פון דיא ארבייטער און זייערע קינדער און פרויען געוועזען דער זעלבער.

איבעראל האָבען דיא ארבייטער גענומען ארויסווייזען אונצופריעדענהייט, גענומען זיך „בעוועגען“ און אָרגאניזירען, און איבעראל האָבען אויך דיא פארלאמענטען און רעגיערונגען פון זייער זייט, ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג, גענומען איינהאלטען א קליין ביסעלע דיא קאפיטאליסטישע אונפערשעהמטע שינדעריי און עקספלואטאציאָן דורך שוואכינקע דינינקע פארקענס און דאמבעס, וואָס מען רופט געזעצען צו בעשיצען דיא ארבייטער. אזעלכע געזעצען, הויפטזעכליך צו בעשיצען דיא קינדער, ניט דערוואקסענע און פרויען, זיינען אין צווייטען העלפט פון 19טען יאהרהונדערט געוואָרען א'ן אלגעמיין נויטיגע בעגלייטערין פון דער קאפיטאליסטישער עקספלואטאציאָן.

און אזוי וויא דיא ענגלישע פאָרמען פון דער קאפיטאליסטישער ענטוויקלונג זיינען געוואָרען א מוסטער פאר אלע איבעריגע לענדער און דער קאפיטאליזמוס מיט זיינע „גליקען“, מיט דיא גרויסע פאבריקען און גרויסער עקספלואטאציאָן און רויב איז געבליעבען בעצם דערזעלבער, כאָטש ער אונטערשיידעט זיך אין פערשיעדענע לענדער נאָך זיין גרויס, וואוקס און אין א סך אנדערע פרטים, אזוי זיינען אויך דיא געזעצען צום שוץ פון דיא ארבייטער אין אלע לענדער צוגעשניטען געוואָרען נאָך דעם ענגלישען מוסטער, כאָטש אין א סך פרטים האָבען זיי געמוזט געענדערט ווערען, ווייל מען האָט זיי געדארפט צומעסטען צו דיא אומשטענדען פון יעדען לאנד.

אָט אזוי זעהען מיר אין פערלויף פון צווייטען העלפט פון 19טען יאהרהונדערט וויא דיא געזעצע צו בעשיצען דיא ארבייטער ווערען איינגעפיהרט אין דייטשלאנד, פראנקרייך, יונייטעד סטייטס, בעלגיען, שווייץ, ניעדערלאנדען, איטאליען, שוועדען, נאָרוועגען און אפילו אין רוסלאנד און רומעניען.

דאָס איז געוועזען דיא צווייטע מדרגה אין דער ענטוויקלונג פון דער שטרעבונג צו פארבעסערן דיא לאגע פון דיא ארבייטער און זיי צו בעשיצען דורך געזעצען געגען דיא פאבריקאנטען.

דער וואוקס, דיא ענטוויקלונג און דיא פערשפרייטונג פון דיא קאפיטאליסטישע אונטערנעהמונגען זיינען אויך דערביי ניט געבליעבען שטעהן. דיא בעציהונגען צווישען דיא פערשיעדענע לענדער ווערען אלץ איינגער. גרויסע מאסען ארבייטער עמיגרירען, פאָהרען ארום פון איין לאנד אין אנדערע. דער אויסלענדישער האנדעל ווערט אלץ גרעסער. אלץ מעהר לענדער נעה־

מען קאָנקורירען איינע מיט דיא אנדערע אויפ'ן וועלטמארק, אלץ מעהר סאָרטען סחורות ווערען פערפערטיגט הויפטזעכליך פאר אויסלענדישע מערק. דיא קאפּיטאליסטישע עקספּלואטאציאָן איז ניט נור געוואָרען היימיש אין אלע לענדער, זיא ווערט אלץ מעהר אינטערנאציאָנאל. ניט נור בכלל, אפילו אין דיא פּרטים הייבען אָן דיא קאפּיטאליסטישע אונטערנעהמונגען און בעזאָנדערס דיא אינדוסטריען, וואָס ארבייטען פאר וועלטמארק, צו ווערען אלץ מעהר עהנליך.

עס איז דארום זעלבסטפערשטענדליך און גאנץ נאטירליך, אז אויך דיא שטרעבונגען צו פערבעסערן די לאגע פון די ארבייטער, זיי וויא פיעל עס איז צו שיצען געגען דיא עקספּלואטאציאָן, האָבען געמוזט ווערען מעהר אינטערנאציאָנאל.

דיא סאָציאליסטישע ארבייטער בעוועגונג, דער רעוואָלוציאָנערער קאמפף פון דיא ארבייטער פאר זייער בעפרייאונג האָבען שוין לאנג אָנגענומען אן אינטערנאציאָנאלען כאראקטער. און אונזערע געניאלע לעהרער מארקס און ענגעלס האָבען פון אָנפאנג אָן ארויסגעלאָזען דעם שלאכטרוף: „ארבייטער אלער לענדער פעראייניגט אייך“!

א מעהר אָדער ווייניגער אינטערנאציאָנאלען כאראקטער האָבען אין דיא לעצטע צייט אָנגעהויבען צו טראָגען אויך דיא טרייד־יוניאָניסטישע אָרגאניזאציאָנען פון דיא ארבייטער. געוויסע יוניאָנס זיינען פערבונדען אין אינטערנאציאָנאלע פעדעראציאָנען, און אינטערנאציאָנאלע טרייד־יוניאָניסטישע קאָנגרעסען זיינען אין א סך טריידס געוואָרען א שטענדיגער מנהג.

ערשט אין דיא לעצטע עטליכע יאָהר האָט דער אינטערנאציאָנאלער געדאנקען גענומען זיך בעווייזען און פערשפּרייטען אויך צווישען דיא פּאָליטיקער און געלעהרטע, וואָס שטרעבען צו פערבעסערן דיא לאגע פון דיא ארבייטער און זיי צו שיצען געגען דיא שרייענדסטע קאפּיטאליסטישע רויבערייען. מען האָט זיך גענומען ארומטראָגען מיט דעם געדאנקען: קען מען ניט אויסארבייטען געוויסע אלגעמיינע אינטערנאציאָנאלע געזעצען צו בעשיצען דיא ארבייטער? צו קען מען ניט דורך אינטערנאציאָנאלע אָפּמאכונגען צווישען דיא רעגיערונגען אָפּשאפען געוויסע אונגערעכטיגקייטען און רציחות געגען דיא ארבייטער אין אלע לענדער?

דאָס איז א שווערע אויפגאבע. דאָ דארף מען שוין אויסטראכטען ניט נור א פּאסאָן נור אויך א מאָס זאָל פּאסען פאר אלעמען, וואָס זאָל ניט זיין פאר איין לאנד צו גרויס, פאר דיא אנדערע א קליין. דערביי שפּיעלען שוין דער וואוקס, דיא גרויס פון קאפּיטאליזמוס און דיא פּרטים וואָס זיינען פערשיעדען אין פערשיעדענע לענדער א וויכטיגע, זאָגאר אן ענטשיידענדע ראָלע.

און נאָך שווערער וויא צו געפינען דיא פּאסענדע פּאסאָן און מאָס איז געוועזען אין אָנפאנג זיך צו קענען צונויפקומען און צוזאמען ריידען זיך איינע מיט דיא אנדערע. דאָס איז געוועזען דער ערשטער טריט וואָס האָט געהארפט געמאכט ווערען אויף דעם נייעם וועג. דורך דעם היסטאָרישען שריט האָט דער דייטשער קסר ווילהעלם דער צווייטער געוועלט זיך אויספּיינען אין יאָהר 1890 באלד וויא ער איז ארויף אויפ'ן טראָהן. ער האָט דאן צונויפגערופען אן אינטערנאציאָנאלען קאָנגרעס פון דיא פערשיעדענע רעגיערונגען, וואָס האָט געדארפט זיך בעראטהען וועגען דיא מיטלען וויא צו באשיצען דיא ארבייטער דורך אלגעמיינע מיטלען און אינטערנאציאָנאלע געזעצען. אָבער ביי ווילהעלמען איז דאָס געוועזען נור אן איבערגאנג, א קאפּריז פון א דעספּאָט, וואָס האָט זיך געוואָלט צולעקען צו דיא ארבייטער. דער אמת'ער וויכטיגער היסטאָרישער שריט אויף דעם וועג איז געמאכט געוואָרען אין ציריך אין יאָהר 1897 אויף דעם „אינטערנאציאָנאלען קאָנגרעס פיר ארבייטער שוץ“. דיא פאָרשטעהער פון דיא רעגיערונגען האָבען אויף דעם קאָנגרעס קיין גרויסע ראָלע ניט געשפּיעלט. דערפאר זיינען דאָרט געוועזען פיעלע פאָרשטעהער פון דעם ארבייטער קלאס. ער איז בעשטאנען פון געלעהרטע, פּאָליטיקער און סתם ארבייטער פריינד. דערפאר זיינען דאָרט דיא פראגען אוועקגעשטעלט געוואָרען ברייטער, דיא אויפגאבען טיעפער, און דיא פערהאנדלונגען און דעבאטען זיינען געווען ערנסטער.

דער אינטערנאציאָנאלער קאָנגרעס אין ציריך האָט פערשטאנען, אז זיין ארבייט איז נור דער ערשטער שריט און אז מען דארף זיך נעהמען פאר דיא זאך ערנסטער. דערפאר האָט ער אָנגענומען א רעזאָלוציאָן, אז מען זאָל גרינדען אן אינטערנאציאָנאלע ביוראָ וואָס זאָל: 1) זאמלען אלע מאטעריאלען וועגען דיא פראגע פון ארבייטער שוץ, אלע געזעצען, אלע ביכער, אלע שריפטען; 2) דיא ביוראָ זאָל סטאטיסטיש אונטערזוכען אלע פאקטען וועגען דיא ארבייטער פראגען; 3) זיא זאָל אָבגעבען יעדען יאָהר א בעריכט וועגען דעם, וואָס עס ווערט אויפגעטאָהן אין דער פראגע וועגען ארבייטער שוץ; 4) זיא זאָל צוזאמען רופען קאָנגרעסען.

דיא רעזאָלוציאָן איז געלעגט געוואָרען אלס פונדאמענט פאר דיא געביידע, וועלכע עס איז אין יאָהר 1900 בעשלאָסען געוואָרען אויפ'ן קאָנגרעס פון „סאָציאל־פּאָליטיקער“ אין פּאריז

צו גרינדען, און וועלכע איז טאקי אין יאָהר 1901 געגרינדעט געוואָרען אין באזעל (שווייץ). דאָס איז געווען דער פונדאמענט פון דער אינטערנאציאָנאלער פעראייניגונג פאר די בעשיצונג פון די ארבייטער דורך „געזעצען“ מיט א שטענדיגער אינטערנאציאָנאלער ארבייטס־ביוראָ אין באזעל.

„דיא אינטערנאציאָנאלע פעראייניגונג“ איז א פערבאנד פון זעלבסטשטענדיגע נאציאָנאלע סעקציאָנען, פון וועלכע יעדע פיהרט איהרע געשעפטען זעלבסטשטענדיג. זיי זיינען אָבער אלע פערטראָטען אין דער „ארבייטער ביוראָ“ אין באזעל. זיי שטיצען דיעזען צענטראליקאָמיטעט, שיקען דיא נויטיגע מאטעריאלען, צאָהלען יעדע א טהייל פון דיא אויסגאבען. דיא שווייצער רעגיערונג האָט גלייך בעשטימט 8000 פראנק א יאָהר אויף דעם. דיא שטאָדט באזעל האָט געגעבען א פלאץ אומזיסט. גלייך אין אָנפאנג זיינען אריין אין דער פעראייניגונג 8 לאנדעס־סעקציאָנען: שווייץ, דייטשלאנד, בעלגיען, עסטרייך־אונגארן, האָלאנד, פראנקרייך און איטאליען.

דיא פראָגראם וועלכע דיא פעראייניגונג האָט אויסגעארבייט, איז זעהר א ברייטע: וועגען געזינטערע בעסערע וואָהנונגען פאר ארבייטער; וויא צו שיצען דיא ארבייטער געגען געפאהרען און אונגליקען ביי דער ארבייט; זעהן אויסצופיהרען אז מען זאָל ניט טאָרן אין קיין לאנד אויסצאָהלען דיא ווידזשעס (לוינען) מיט פראָדוקטען און סחורות, נור מיט בארעס געלד; זיך מיהען צו פערבעסערן דיא געזעצען וועגען דיא בעציהונגען צווישען דיא ארבייטסגעבער און ארבייטער; ברענגען דורך געזעצען מעהר אָרדנונג אין דיא ארבייט, וואָס מען נעהמט ארוים אויף דער היים; דורכפיהרען געזעצען וואָס זאָלען בעסער שיצען דיא אינטערעסען פון דיא אָנגעשטעלטע אין קראָמען און מאגאזינען; זעהן אז דיא רעגיערונגען זאָלען אליין אינשורען (סטראכירען) דיא ארבייטער געגען קראנקהייטען, אונגליקס־פעלען און זאָל זיי געבען שטיצע און הילף אויף דער עלטער (ארבייטער־פענסיאָנען), ווען זיי הערען אויף צו זיין פעהיג צו ארבייטען (אינוואללידיטעט) און צו זייערע פאמיליעס ווען זיי שטארבען.

וועגען דיא אלע פראגען דארף דיא „ביוראָ“ קלייבען מאטעריאלען און וויסענשאפטליך־סטאטיסטיש דאָס בעארבייטען. וויא נור דיא ביוראָ, וואָס ווערט געפיהרט פון זעהר א מיכטיגען און ענערגישען געלעהרטען פראָפעסאָר פון פאָליטישער עקאָנאָמיע, סטעפאן בוער אין באזעל, האָט ער זיך גענומען צו איהר ארבייט, האָט ער געזעהן אז זיא מוז האָבען איהר אייגענעם זשורנאל, דורך וועלכען זיא זאָל קענען שטעהן אין פערבינדונג מיט אלע סעקציאָנען און דורך וועלכען אלע סעקציאָנען זאָלען וויסען, וואָס עס טהוט זיך אין אלע אנדערע לענדער.

דיא ביוראָ קלייבט ידיעות ניט נור אין דיא לענדער וואו זיא האָט איהרע סעקציאָנען, נור איבעראל אין דער גאנצער וועלט און פארעפענטליכט זיי אין איהרע „ביולעטינס“, וועלכע זיא גיט ארוים זייט יאָהר 1902.

אויף דעם צווייטען קאָנגרעס פון דער פעראייניגונג, וואָס איז אָבגעהאלטען געוואָרען ענדע סעפטעמבער, 1902, זיינען צוגעשטאנען נור נאָרוועגען, דיא קליינע פירשטענטהום לוקסענבורג און דער קאטהאָלישער פאפסט. דיא אלטע סעקציאָנען זיינען אויך ניט געוואָרען גרעסער.

דער צווייטער קאָנגרעס האָט זיך בעשעפטיגט הויפטזעכליך מיט 2 פונקטען: מיט דיא ארבייט פון פרויען און מיט דיא געפאהר, וואָס שטעהט פאָר דיא ארבייטער אין געוויסע טריידס פערגיפטעט צו ווערען.

אין 1903 איז קיין קאָנגרעס ניט געווען. דער דריטער קאָנגרעס איז ערשט אָבגעהאלטען געוואָרען ענדע סעפטעמבער פון דעם יאָהר.

דיא ידיעות, וועלכע דיא פערטרעטער און דעלעגאטען האָבען בעקומען וועגען דעם צושטאנד פון דער „פעראייניגונג“ זיינען ניט קיין גאנץ פרעהליכע. דיא ביוראָ האָט שוין 28,000 פראנק דעפיציט. עס שטעהט איהר פאָר אין נעכסטען יאָהר נאָך א גרעסערער דעפיציט. פערשיעדענע פאָרשטעהער פון פערשיעדענע רעגיערונגען האָבען אפילו אויפ'ן קאָנגרעס ניט געזשאלעוועט קיין שעהנע ווערטער וועגען דיא סימפאטיען פון זייערע רעגיערונגען צו די ציעלען און אויפגאבען פון דער „פעראייניגונג“ און פון איהר „ביוראָ“. אָבער דיא זעלבע רעגיערונגען פוילען זיך זעהר אריינצוטראָגען דיא אפּויטיקע און צו בעצאָהלען זייער טהייל אויסגאבען.

קיין צו־וואוקס פון קרעפטען האָט דיא פעראייניגונג ניט, כאָטש צוזאָגען און סימפאטיערקלערונגען בעקומט זיא גענוג.

עס איז זאָגאר געמאכט געוואָרען א פאָרשלאג: היות אזוי וויא דיא פעראייניגונג געפינט זיך אין אזא טרויעריגער געלד־לאגע, זאָל זיא קיין נייע אויפגאבען זיך ניט שטעלען. דיא איינציגע טרייסט איז געווען וואָס אין יאָהר 1905 אין מאי וועט ווייטער אָבגעהאלטען ווערען א קאָנגרעס פון דיא פאָרשטעהער פון דיא רעגיערונגען.

דער לעצטער קאָנגרעס האָט זיך אויך בעשעפטיגט מיט זעהר וויכטיגע און ערנסטע פראגען. וועגען דיא נאכט־ארבייט פון ניט ערוואקסענע ארבייטער איז בעשלאָסען גע־

וואָרען צו מאכען אונטערזוכנוגען און גענויער די זאך אויסצופאָרשען. אן אונטערזוכונג איז אויך בעשלאָסען געוואָרען וועגען דיא ארבייט אין דיא פריוואט הייזער (סוועטינג סיסטעם). אויך איז פערהאנדעלט געוואָרען דיא פראגע וועגען דיא בעהאנדלונג וואָס אויסלענדישע ארבייטער בעקומען אין פערשיעדענע לענדער ביי אונגליקען און אינשורענס. דיא וויכטיגסטע פראגע פון קאָנגרעס איז געוועזן אויך דעם מאָהל וועגען דיא פארגיפטונג פון דיא ארבייטער אין געוויסע טריידס.

דאָס איז אן אלגעמיינע קללה אויף דיא ארבייטער פון כעמישע פראָדוקטען, פון מעדיצינען, פון מעטאלגיסערייען, א. ז. וו. דיא ארבייטער ווערען דאָרט אין א קורצער צייט פערגיפטעט, בעקומען פערשיעדענע קראנקהייטען. דיא פאבריקאנטען שיקען זיי אוועק, נעהמען פרישערע געזינטערע „הענד“ און ווילען פון קיין מיטלען ניט וויסען, וויא אזוי פיעל־ווינציג צו פערהיטען דיא געזונד און דיא לעבענס פון „זייערע“ ארבייטער.

דיא „פעראייניגונג“ האָט אויסגעארבייט א גאנצע רייהע פון פלענער און מיטלען, וויא צו קעמפפען געגען דיא מגפה דורך געזעצען. אויך דיא פראגע וועגען דיא איינפיהרונג פון א געזעצליכען גרענעץ, וויא פיעל שטונדען מען זאָל מעגען ארבייטען אין פאבריקען, איז אויפגענומען געוואָרען.

דיא לעזער זעהן: דיא פעראייניגונג שטעלט זיך א סך וויכטיגע אויפגאבען וויא צו פערבעסערן דיא לאגע פון דיא ארבייטער, וויא זיי צו שיצען א ביסעל געגען עקספלואטאציאָן פון דיא ארבייטס־געבער. דיא צייט פאר דעם איז שוין לאנג געקומען. פון דעסטוועגען געפינט זיך דיא „פעראייניגונג“ אין א ניט פרעהליכער לאגע. וואָס איז דיא אורזאכע דערפון?

„הויכע“ פערזאָנען פעהלען דאָרט ניט. פראָפעסאָרען, הויכע בעאמטע, געוועזענע מיניסטאָרען זיינען דאָ לרוב. עס פעהלט דאָרט ניט קיין אינטעליגענץ. עס פעהלט אָבער דער „פעראייניגונג“ דיא מאכט אויסצופיהרען זייערע פלענער. עס פעהלען איהר דיא פאָרשטעהער פון שטארקע פארטייען, וואָס זאָלען ענערגיש זיך נעהמען דערפאר, וואָס זאָלען ניט בעטען ביי דיא רעגיערונגען קיין נדבה, נור פאָדערן רעפאָרמען און פאָדערן ביד חזקה. דיא שוואכקייט פון דער „פעראייניגונג“ בעשטעהט אין דעם, וואָס דיא רעגיערונגען זיינען צו בכבוד'יגע געסט דאָרט, וואָס מען לעקט זיך צו זיי, מען חנפט זיי צו פיעל.

דיא אינטערנאציאָנאלע פעראייניגונג פאר דיא בעשיצונג פון דיא ארבייטער לייזעט פון דעם זעלבען פעהלער, וואָס דיא אינטערנאציאָנאלע פריעדענס־בעוועגונג. ביידע האלטען צו פיעל פון בעטען און צו ווענ׳ג פון פאָדערן. זיי גלויבען צו פיעל אין דעם גוטען ווילען פון דיא העכערע קלאסען און אין דיא אונפארטייליכקייט פון דיא רעגיערונגען.

דיא טהעטיגקייט פון דער „פעראייניגונג“ איז זעהר א וויכטיגע. אָבער איהר פאָליטיק איז אזא, וואָס שטימט ניט מיט דיא פאָליטיק פון ארבייטער קלאס און פון דיא פאָרשטעהער פון פראָלעטאריאט. דער ארבייטער קלאס ווייס און געדיינקט, אז נור אין קאמפף וועלען דיא ארבייטער געפינען זייערע רעכטע און אז דיא בעפרייאונג פון ארבייטער קלאס איז דיא זאך פון דיא ארבייטער זעלבסט.

דיא זעלבע פאָדערונגען וואָס די פעראייניגונג שטעלט אויף דיא סאָציאל־דעמאָקראטיע; אָבער פיעל ברייטער, פיעל טיעפער, פיעל ענערגישער. און דערפאר האָט זיא מעהר לעבען, גרעסערע ערפאָלגען און א ליכטיגערע צוקונפט. דיא צייט פאר דעם אינטערנאציאָנאלען שוץ פון דיא ארבייטער איז שוין לאנג געקומען. די ארבייט פון דער „ביוראָ“ אלס א וויסענשאפטליכער אינסטיטוט, וואָס בעשעפטיגט זיך דערמיט, איז זעהר וויכטיג און מוז מיט פריידע בעגריסט ווערען פון יעדען ארבייטער פריינד. אָבער פון דער אינטערנאציאָנאלער פעראייניגונג צו האָפען, אז זיא וועט קענען דורכפיהרען איהרע פלענער, קען מען ווייניג וואָס, ווייל, וויא געזאָגט, עס פעהלט דאָרט דיא נשמה; עס פעהלט דאָרט דיא אויפגעקלעהרטע אָרגאניזירטע ארבייטערשאפט און איהר מאכט.

דר. ק. פאַרענבערג.

# דער טעראר אין רוססלאנד

## דיא טאקטיק פון דער רוסישער פארטיי סאָציאליסטען רעוואָלוציאָנערען.

דער אטענטאט פון דעם 15 יולי, וועלכער האָט געשטעלט א סוף פסוק צו פלעהוועס לעבען און זיין רעגיערעריי, האָט ווידער א מאָל אויפגעהויבען אין דער סאָציאליסטישער פרעסע א היציגע דעבאטע וועגען טעראָר אין אלגעמיין און וועגען טעראָר אין רוסלאנד בעזאָנדערס. איין זאך צייגט זיך אונצווייפעלהאפט ארויס פון די אלע מיינונגען און בעטראכטונגען וועגען דער טעראָריסטישער טאקטיק, און דאָס איז, אז אלע בעווייזע, וועלכע ווערען איינגעפיהרט געגען טעראָר קענען זיך פאסען וויא מען וויל, נור זיי קענען בשום אופן ניט אָנגעפאסט ווערן אלס בעווייזע געגען דעם טעראָר, וועלכען דיא רוסישע רעוואָלוציאָנערע פארטיי איז געצוואונגען אָנצווענדען אין איהר ברענענדען קאמפף געגען דער ווילד־דעספאָטישער טיראניי פון דער רוסישער אבסאָלוטער מאָנארכיע.

אז טעראָריסטישע אקטען זיינען אונפערמיידליך אין רוסלאנד, דאָס בעווייזט זיך דייטליך ניט בלויז פון דיא אומשטענדען, אין וועלכע עס קומט אויס צו פיהרען א סאָציאליסטישע בעוועגונג אין רוסלאנד, נור אויך פון דער געשיכטע פון דער רוסישער בעוועגונג, וויא אין דער פערגאנגענהייט אזוי אויך אין געגענווערטיגען קאמפף. אין יעדער עפּאָכע פון דער רוסישער ציעלבעוואוסטער בעוועגונג האָבען דיא רעוואָלוציאָנערען אָנגעהויבען זייער פראָפּאגאנדא אויף א „פריעדליכען" וועג, אויב מען קען דאָס אזוי אָנרופען, ד. ה. זיי האָבען געזוכט אויסצומיידען אָנגריפע אויף דעם לעבען פון פערזאָנען, וועלכע קירעווען דעם שיקזאל פון דער פערשקלאפטער מדינה, און יעדען מאָהל האָט זיי דער קאמפף אליין, דיא ווירקליכע טהעטיגקייט, ארויפגעשטויסען אויף דעם וועג פון געוואלט־אקטען, פון טעראָר; אָנפאנגס איינצעלנע, אָבגעזונדערטע טהאטען, נאכהער אָרגאניזירטע, סיסטעמאטישע, אָנגעווענדעט ניט פון איינצעלנע פערזאָנען, זאָנדערן פון דער פארטיי, און ניט אלס א צופאל בלויז, זאָנדערן אלס א טהייל פון זייער טאקטיק, איינגעשלאָסען אין דער פראָגראם פון טהעטיגקייט.

דארף מען נאָך דאָ ריידען דערפון, אז פאר דיא נאָבעלע און בראווע קעמפפער פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן, אז פאר אזעלכע אידעאלע פערזאָנען, וויא א פעראָווסקאיא, וויא א זשעלאבאָוו, וויא לאָפאטין, קראווטשינסקי (סטעפּניאק) און דיא אונצעהליגע העלדען און דיינקער און דער „נאראָדנאיא וואָליא" און פונקט אזוי אויך פאר באלמאשאָוו, גערשוני און דיא אלע העלדען פון יעצטיגען קאמפף, איז בלוטפערגיסונג אן אבשטויסענדע טהאט? איך גלויב, אז עס איז איבריג וועגען דעם צו פערברייטען זיך. קיין הארץ האָט יענער ניט אין זיין ברוסט, ווער עס קען ניט פיהלען, אז דיא נויטהווענדיגקייט צו פערגיסען בלוט, צו טויטען אימיצען איז פיליכט דיא שרעקליכסטע טראגעדיע אין דעם לעבען פון אזעלכע איידעלע זעעלען; זיא איז פאר זיי מעהר טראגעדיע איידער אוועקלייגען דעם אייגענם קאָפּ אלס פרייז פאר דער בעפרייאונג פון אונטערדריקטען פאָלק. הונדערטער מאָהל מעהר גערן וואָלטען אזעלכע אידעאלע מענשען אָפּגעפערן מיט זייער לעבען, ווען עס וואָלט מעגליך זיין בלויז מיט דעם בלוט פון זייער אייגענעם הארצען צו קויפען דיא פרייהייט פאר'ן פאָלק איידער געצוואונגען צו זיין אָנצוגרייפען דעם לעבען אפילו פון א טיראן.

דער פראָצעס אליין פון טויטען אימיצען איז שוין פאר זיי, וויא געזאָגט, דיא שרעקליכסטע טראגעדיע, שרעקליכער איידער אוועקגעבען דעם אייגענעם לעבען. וויא פערדריסליך, וויא ביטערליך, וויא קריינקליך עס ווירקט דארום, ווען מען הערט פון סאָציאליסטישע געגנער פון טעראָר, אז זיי ווענדען אָן אלס ארגומענט צבועצקע מאָראל, אז כלומרשט, זאָגט וואָס איהר ווילט, נור הרג'ענען א טיראן איז דאָך אויך א פערברעכען, אז בלוט איז ניט וואסער, ווען אפילו עס איז בלוט פון מאסען־מערדער, אז א דעספּאָט איז דאָך

אויך פון דעסטוועגען א מענש פון פלייש און בלוט, אז זיין ווייב בלייבט נעבאך אויך אן אלמנה און זיינע קינדער יתומים, וויא דיא ווייב און קינדער פון אנדערע מענשען; און עהנליכע מאָראליש־ריהרענדע טענות. דיעע ארגומענטען זיינען איינפאך פערברעכעריש, זיי זיינען שוין ניט מאָראליש דערפאר, ווייל דורך זיי מיינט דער געגנער אוועקצושטעלען זיך אויף א העכערע שטופע פון מענשליכקייט און פרעטענדירט צו האָבען מאָראלישערע געפיהלען אלס יענע זעלטענע אידעאליסטען, יענע וואונדערליכע מארטירער, וועלכע האָבען מיט זייער הארץ־בלוט רייך געמאכט דיא געשיכטע פון קאמפף פאר פאָרטשריט און וועלכע גיבען אוועק אלעס, אָפּפערן מיט אלעם אייגענע פאר דעם גליק פון כלל.

א מענש מיט אמת ווארימע געפיהלען פון ליעבע צום נעקסטען, א מענש וואָס ווערטווירקליך אָנגעגריפען פון דיא ליידען פון זיינע מיטמענשען, יענער וועט קיין מאָהל ניט געברויכען אזעלכע טענות, ווען ער הערט וועגען דעם געוואלטזאמען טויט פון א טיראן. ער וועט נור פיהלען דיא שרעקליכע טראגעדיע, וואָס אזעלכע איידעלע קינדער, אזעלכע גייסטיגע און מאָראליש הויכע פערזאָנען, וויא דיא רוסישע מארטירער, זיינען געצוואונגען צו קעמפפען מיט דעם רעוואָלווער, מיט דעם קינזשאל און מיט דינאמיט. און ער וועט אין דער זעלבער צייט מיט רעספעקט אויפהויבען זיינע אויגען צו יענער אידעאלער מאָראל, וועלכע ערוועקט אין מענשען דעם בעוואוסטזיין פון פפליכטען וואָס זיינען העכער אלס דיא געוועהנליכע, אלטעגליכע, און וועלכע ווירקט אין איהם צו ערפילען דיזע פפליכטען, ווען אפילו איהם קומט אויס צוליעב דעם צו טאָהן זאכען, וועלכע זיינען געגען זיין געוועהנליכע נאטור און געגען דער געוועהנליכער אלטעגליכער מאָראל.

* * *

דיא אונפערמיידליכקייט פון טעראָריסטישע אקטען אין דער בעוועגונג, וועלכע עס קומט אויס צו פיהרען אין רוסלאנד, צייגט זיך אויך פון דיא אקטען, וועלכע ווערען פון צייט צו צייט אָנגעווענדעט פון איינצעלנע פערזאָנען גאנץ אונאבהענגיג פון פארטייען אָדער אפילו דאָרט, וואו דער טעראָר ווערט פון זייער פארטיי ניט אנערקענט אָדער ניט געפּרעדיגט. דיא טהאט פון לאַגאָווסקי, וועלכער האָט געשאָסען אויף פאָבעדאָנאָסצעוו'ן איידער עס האָט זיך נאָך געבילדעט דיא פארטיי פון סאָציאליסטען רעוואָלוציאָנערן מיט איהר „באָיעוואיא אָרגאניזאציא“, די טהאט פון קארפאָוויטשען, וועלכער האָט געטויטעט באָגאָלעפּאָווען אויך פאר דעם. דער אנגריעף פון מיכאלעוויטשען אויף טרעפּאָווען, דיא טהאט פון הערש לעקערט, וועלכער האָט גאָר בעלאנגט צום „בונד“, אן אָרגאניזאציאָן וואָס איז איצט אזוי שטארק געגען טעראָר, דיא טהאט פון פרומע פרומקין און דיא פיעלע בעזונדערע וויינינגער־בעדייטענדע טעראָריסטישע אקטען, וויא טויטונג פון שפּיאָנען, וועלכע פאסירט אין דער סאָציאל־דעמאָקראטישער פארטיי און אין דעם „בונד“ אזוי גוט ווי אין דער פארטיי פון סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערן — דאָס אלעס מוז ברייגנען צום שלוס, אז אָהן טעראָריסטישע אקטען קען מען זיך אין רוסלאנד ניט בעגעהן, אז זיי זיינען דאָרט אונפערמיידליך, גאנץ עגאל צו זיי ווערען אנערקענט פון די פיהרער פון דער בעוועגונג אָדער ניט.

און ווען מען טראכט זיך אריין אין דער נאטור פון דער זאך, דאן קען מען פערשטעהן, ווארום זיי זיינען אונפערמיידליך. זיי זיינען אונפערמיידליך ניט בלויז דערפאר, ווייל עס האָט זיך אָנגעזאמעלט אין דיא הערצער פון די אונטערדריקטע, ערנידעריגטע און בעליידיגטע אזוי פיעל האס און צאָרן געגען זייערע אונטערדריקער, ניט בלויז דערפאר, ווייל עס האָט זיך אָנגעזאמעלט ערביטערונג און דער פערלאנג פון ראכע אין דער ברוסט פון יעדען קעמפפער, וועלכער ווערט אזוי אונמענשליך אזוי ווילד פערפאָלגט, פעריאָגט און געהעצט פון דער טיראנישער רעגיערונג, זאָנדערן הויפּטזעכליך דערפאר, ווייל דיא בעוועגונג מוז דאָרט געפיהרט ווערען אין געהיים. עס איז אין דער נאטור פון יעדען קאמפף, וועלכער מוז געפיהרט ווערען אויף א געהיימען אופן, אז טעראָר זאָל אין איהם זיין א נויטווענדיגער מיטעל. און אויב ער איז א נאטירליך נויטווענדיגער און אונפערמיידליכער, דאן מוז זיין דיא אויפגאבע פון דער פארטיי אויסצוניצען דיזע נאטירליכע נויטווענדיגקייט און אונפערמיידליכקייט וויא צום בעסטען; עס איז דיא אויפגאבע פון דיא לייטענדע גייסטער פון דער בעוועגונג אנצו־ווענדען דיא נויטווענדיגע מיטלען וואָס ציעל־בעוואוסטער, וואָס צוועקמעסיגער.

איז דיא טויטונג פון א וועלכען עס איז שפּיאָן אין אזא כרך וויא פינסק אָדער בריסק צו אנדערשוואו ניט אזא אקט פון בלוט־פערגיסונג, וויא דיא טויטונג פון א סיפּיאגין, פון א באָגדאנאָוויטש, א פּלעהווע? און אזעלכע טויטונגען פון שפּיאָנען, פון אן אונווירדיגען פּאָליציייסקען אָדער פון א סקעב פאסירען אין רוסלאנד ניט בלויז צווישען דיא אָרגאניזאציאָנען, וועלכע בעלאנגען צו דער פארטיי סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערן; זיי פאסירען אין דער ראסייסקער סאָציאל־דעמאָקראטי, וויא אין דער

פוילישער פארטיי סאָציאַליסטען און אזוי אויך אין דיא בונדיסטישע אָרגאַניזאַציאָנען.

ווען מען נעהמט דיא מאָראַלישע זייט פון דער פראגע, דאן ווארפט זיך אין דיא אויגען דער פערגלייך פון צווייערליי פאקטען. פערגלייכט דיא ערמאָרדונג פון א שפּיאָן אין ווארשע מיט דער הינריכטונג פון פּלעהווען. דאָרט אַן אָרימע בריאה, א שפּיאָן אין א אידישער שטעדטעלע — א קבצן, וועלכער זעהט אין זיין מסירה א שטיקעלע ברויט פאר זיינע קינדער, און אָפּט אויך גאָר א האלב־אידיאָטישער חברה מאן, וועלכער פיהלט גאָר ניט קיין פעראנטוואָרטליכקייט פאר זיין טהאט, איז גאָר ניט



סטעפאן באלמאשאָוו.

בעוואוסט וואָס פאר א שווערען פערברעכען ער בעגעהט, קורץ אן אונווירדיגע בשעפעניש, וועלכע קען נור ערוועקען א רחמנותדיגען עקעל און ווייטער גאָר נייטס: און דאָ א פּערזאָן, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר דיא גאנצע אונטערדריקונגס־מאשין פון דער רוסישער דעספּאָטיע, א מענש וועלכער רעפּרעזענטירט דיא אָרגאניזירטע מאכט פון דער בלוטיגער רעגיערונג איבער דער גאנצער אימפּעריע, א פּערזאָן, אין וועלכע עס איז פערקערפּערט דיא סיסטעמע, וואָס קען אויפגעהאלטען ווערען בלויז אויף מיליאָנען אונצייטיגע טויטען און אויף שטראָמען פון בלוט און טרעהרען, א מענש, וואָס ווייס גאנץ גוט דיא גאנצע פעראנטוואָרטליכקייט פון זיינע טהאטען און וועלכער טהוט אלעס ניט אויס נויט, נור אויס לוסט צוהערשען, אויס ליעבע צו אונטערדריקונג, אויס פערלאנג מעהר מאכט צו קריעגען, וואָס שרעקליכער צו זיין, וואָס מורא'דיגער צו ערשיינען, וואָס מעהר רייכטהימער, רוהם און גרויסקייט צו קריגען פאר דעם פּרייז פון דיא צעהנדליגע טויזענד קרבנות, וועלכע ריהרען איהם ניט און פאר דער אונטערדריקונג, ערניעדריגונג און בעליידיגונג פון גאנצע פעלקערשאפטען, וועלכע ער וויל צווינגען צו לעבען אין שקלאַפעריי..

דער פערגלייך איז ניט אָנגעפיהרט, אום צו כאראקטעריזירען א פּלעהווע, זאָנדערן בעריהרענדיג בלויז דיא מאָראַלישע זייט פון דער פראגע, וויא לעכערליך עס קלינגט, ווען דיזעלבע פּארטייען, וועלכע פערשפּרייטען זיך מאנכע מאָהל אין זייערע בלעטער און בראָשורען מיט ריהמעריי וועגען דער גרויסער טהאט, וואָס עס איז ערגעץ־וואו אָבגעראמט געוואָרען א שטיקעל שפּיאָן, אָדער וואָס עס איז פאָרגעקומען א „גרויסע" הריגה מיט אן אוריאדניק אָדער קווארטאלני פון א קליין שטעדטעל — א הריגה, אין וועלכע עס פאלען עטליכע קרבנות, ווערען אריינגעוואָרפען אין טורמע א פּאָאר צעהנדליג טהעטיגע מיטגליעדער, א. ז. וו. — דיזע זעלביגע סאָציאַליסטישע פּארטייען ווילען קלאפּען דיא טאקטיק פון דיא סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערן מיט דעם, וואָס זיי שילדערן אין ריהרענדע פארבען דעם בלוטיגען בילד פון א טעראָריסטישע טהאט און גיסען טרערען אויף דיא אָפּפער, וואָס פאלען, כדי צו מאכען דעם איינדרוק, אז עס לוינט זיך ניט צו פערליערען דיא בעסטע קרעפטען פאר דעם פּרייז פון אָבראמען א טיראן.

ווען טהאטען מוזען געשעהן און זיי געשעהן, דורך דעם דרוק פון אומשטענדען אליין, דאן איז דיא אויפגאבע פון א רעוואָלוציאָנערע פּארטיי, פון א פעסט אָרגאניזירטע פּארטיי אויסצונוצען זיי פאר דעם געווינשטען צוועק; דיא קעמפּפענדע קרעפטען מוזען פּלאנמעסיג אָרגאניזירט ווערען און דיא טהאטען מוזען אָנגעווענדעט ווערען אזוי, אז עס זאָלען ווייניגער אָפּפערס פאלען דערביי, און דיא אָפּפער וואָס פאלען, זאָלען ניט זיין אומזיסט און אומנישט; דער קלאפּ זאָל טרעפען אין דעם געהעריגען פּלאץ, דאָס זאָל זיין א קלאפּ, וועלכען דער ווירקליכער פיינד זאָל פיהלען און וועלכען דאָס אונטערדריקטע פאָלק זאָל פערשטיין און וויסען וויא צו פערטייטשען; טרעפענדיג אין אן איינצעלנע פּערזאָן פון דער רעגיערונג, זאָל דאָס א טרייסעל טאָן דיא גאנצע סיסטעמע.

פערגלייכט איינע מיט דיא אנדערע דיא טעראָריסטישע טהאטען, וועלכע האָבען פּא־

סירט פאר דיא לעצטע עטליכע יאָהר זינד דער יעצטיגער ברענענדער קאמפף אין רוסלאנד האָט זיך אָנגעפאנגען; נעהמט דיא גאנץ וויכטיגע פון זיי, דיא וואָס האָבען געמאכט א גרויסען רושם אין דער וועלט, און פערגלייכט דיא, וועלכע זיינען אויסגעפיהרט געוואָרען פון איינצעלנע פערזאָנען אויף זייער אייגענע פעראנטוואָרטליכקייט, מיט דיא וועלכע זיינען אויסגעפיהרט געוואָרען פון דער „באָיעוואיא אָרגאניזאציא“.

מיט א גייסט פון זעלבסט־אויפאָפּפערונג און פעסטער ענטשלאָסענהייט געהט לאגאָווסקי דערשיסען פּאָבעדאָנעסצעוו'ן, און אָנשטאָט צו טרעפען פּאָבעדאָנעסצעוו'ן, טרעפט ער נור אין שויב פון פּעדאָנעסצעוו'ס פענסטער; דער טיראן בלייבט לעבען. לאגאָווסקי'ס לעבען איז פערלאָרען, און דיא רעזולטאטען זיינען ניט אזעלכע וויא זיי וואָלטען געווען ווען דיא טהאט וואָלט געווען א געלונגענע. ווארום? האָט דען דיעזען העלד געפעהלט מוטה? האָט ער ניט געוואוסט וויא צו שיסען? ניין. האָט ער געהאט אין זינען בלויז צו לאָזען הערען דעם קנאל פון זיין רעוואָלווער אלס א פּראָטעסט געגען דיא שרעקליכע מעשים פון דער רעגיערונג, אויף דער שפּיצע פון וועלכער עס איז געשטאנען פּאָבעדאָנאָסצעוו? ניין. דיא אונגעלונגענהייט פון זיין אטענטאט איז געקומען נור דערפון, וואָס ער איז געווען אליין, וואָס ער האָט גענומען אויף זיינע אייגענע פּלייצעס א צו שווערע אויפגאבע, וועלכע איין מענש קען ניט אויספיהרען; ער האָט ניט געהאט דיא מיטלען און ניט דיא מעגליכקייט גענוי אויסצושפּיערען דעם טיראן; ער איז געבליעבען אהן א גראָשען אין קעשענע, פערהונגערט, פערעלענדט, פערצווייפעלט אונטער דער לאסט פון דער שווערער אויפגאבע, וואָס ער האָט אליין אונטערנומען. און ער האָט שוין ניט געקענט לייגער ציהען, עס איז געווען א טהאט פון א פערצווייפעלטען. *) ביי א ל ל א ר ט פּאָסירט אן אנדער אונגליק: אין דעם סאמע נויטיגען קריטישען מאָמענט ווייזט זיך, אז דער רעוואָלווער איז ניט קיין גוטער — עס שיסט זיך ניט. מיכאלעוויטש געהט מאכען אן אטענטאט אויף טרעפּאָווען און קען צו איהם ניט צו קומען, מיט א מעסער מוז ער זיך דורכשלאָגען א וועג צום טיראן, און עס לאָזט זיך איים ניט מעהר וויא אן אנשטרענגונג פון א פערצווייפעלטען. ענדליך ל ע ק ע ר ט, וועלכער האָט אויסגעוועהלט א גינסטיגען מאָמענט און פּאסענדע אומשטענדען — דער טיראנישער שינדער פאָן־

*) „דער טעראָריסטישער עלעמענט אין אונזער פּראָגראם“ — וויעסטניק רעוואָלוציאי.

וואהל בלייבט אָבער לעבען און בושעווען נאָך ווילדער איידער פריהער.

פון דיא אטענטאטען, וועלכע איינצעלנע פערזאָנען האָבען גענומען אויף זיך אלס אויפגאבע, איז נור אין אלע הינזיכטען געלונגען און האָט געבראכט געוויסע רעזולטאטען דיא טהאט פון קארפּאָוויטש. אָבער ער אליין זאָגט אין זיין בריעף צו דיא קאמעראדען, אז ער האָט מורא געהאט דאָס איהם וועט ניט געלינגען אויסצופיהרען זיין טהאט: „צו וואָס האָב איך אין אייך געזאָלט ערוועקען ערווארטונג און אזוי פיעל ליידען און טאָמער לאָזט זיך פלוצלונג אויס אז עס איז אומזיסט? איצט ווען עס איז געשעהן, איז האָטש דאָ פאר וואָס צו ליידען“. און זעהר וויכטיג איז נאָך דער פלאץ אין זיין בריעף, וואו ער זאָגט: „איך בין איבערצייגט וויא פריהער, אז עס איז נויטווענדיג צו בעשאפען א טיכטיגע רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציאָן, דער לעבען אליין וועט זיי צווינגען ארויסצוגעהן אויף דעם וועג פון פּאָליטישען קאמפף, ד. ה. א קאמפף דירעקט געגען דער רוסישער רעגיערינג; אהן אזא קאמפף וועט זיא זיך אויפלייזען אָדער וועט זיך ערגעץ איינשפּארען אין א פערהארטעוועטען ווינקעלע, פון וואנען זיא וועט ניט האָבען קיין אויסוועג. און קיין אנדער קאמפף פערשטעה איך ניט וויא נור דעם טעראָריסטישען. איך מוז נאָך אייך זאָגען, אז דאָס איז ניט בלויז וואָס איך האָב דורכגעפיהלט, זאָנדערן דאָס איז דיא פרוכט פון רוהיגען נאָכדענקען“.

אָבער פערגלייכט מיט דיא אויבען אָנגעפיהרע טהאטען דיא טהאטען, וועלכע זיינען אונטערנומען געוואָרען פון דער „באָיעוואיא אָרגאניזאציא“. יעדע איינצעלנע פון זיי האָט גערעדט ניט נור צום רוסישען פאָלק, זאָנדערן צו דער גאנצער וועלט. וואָלט געקענט זיין א הונדערטסטע טהייל מעגליכקייט פטור צי ווערען פון א פלעהווע, ווען אן אָרגאניזירטע מאכט וואָלט ניט אונטערנומען דיעזע טהאט? און וויא פיעל איז אויפגעטאָהן געוואָרען מיט אזא טהאט וועלכע וואָלט אָהן א „באָיעוואיא אָרגאניזאציא“ קיין מאָהל ניט אויסגעפיהרט ווערען! דיא קינפטיגע געשיכטע וועט ערשט קענען פיעל און גאנץ אָבשאצען דיעזע טהאט אליין. ווען מען קען מיט איין אקט ווארפען אזא שרעק אויף דער רעגיערונג זיא זאָל נאָהענט פון צוויי מאָנאטען ניט קענען ענטשליסען זיך וויא צו האנדלען; ווען מען קען מיט איין אזא קלאפּ בעפרייען א לאנד פון איהר געפעהרליכסטען בלוט־זויגער; ווען מען קען מיט איין אזא טהאט ארויסרופען בעגייסטערונג און דאנקבארקייט אין הערצער, וואָס בלייבען גלייכגילטיג צו אלע בעוועגונגען; ווען מען קען מיט איין אזא אטענטאט געווינען

אזא רעספּעקט פאר א פּארטיי און ארויסרופען דעם בעגעהר פון מיליאָנען פערשקלאפטע צו בעקענען זיך מיט דיא געדאנקען און מיט דיא שטרעבונגען פון דער פּארטיי, וועלכע האָט דאָס אויסגעפיהרט; ווען מען קען אזוי פיעל פּראָפּאגאנדע מאכען מיט איין אזא אקט — איז דאָס אליין שוין ניט גענוג דען צו איבערצייגען דיא צוועקמעסיגקייט פון אָרגאניזירטען טעראָר אין רוסלאַנד?

און אזוי איז דער איינפלוס פון דיא טהאַטען, וועלכע זיינען בעגאנגען געוואָרען פון דער „באָיעוואיא אָרגאניזאציא“ פון דער פּארטיי סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערן געוואקסען. אויב עס איז אין רוסלאַנד, אין אלע טהיילען פון דער מדינה, געוואָרען אזא אונגעהייערע פאָדערונג פון רעוואָלוציאָנערע ליטעראטור, אז אלע געהיימע דרוקערייען און דיא מאסען בראָשורען און שריפטען וואָס ווערען טראנספּאָרטירט פון אויסלאַנד, קענען קוים דעקען א טהייל פון דיזע פאָדערונגען, איז דאָס צו פערדאנקען דיא ערפאָלגרייכע, העלדישע טעראָריסטישע אקטען, וועלכע זיינען אויסגעפיהרט געוואָרן פון דער טעראָריכטישער אָרגאניזאציאָן. איצט איז שוין אין רוסלאַנד ניט דיא אמאָליגע צייט, ווען דער פּראָפּאגאנדיכט פלעגט דארפען איינריידען איינעם, ערוועקען אין איהם דעם פערלאנג איבערצולעזען א פערבאָטענע שריפט. איצט פאָדערט מען, עס בעטען זיך דיא בויערן, עס בעטען זיך דיא ארבייטער, עס בעט זיך דער פּראָסטער מענש וויא דער געבילדעטער: „גיט אונז רעוואָלוציאָנערע שריפטען“. וויא פיעל מען זאָל ניט שאפען, ווערט פערשלונגען, און עס פאָדערן זיך נאָך פילפאכערע כוחות פון די וואָס זיינען דאָ אום צו קענען נאָכקומען דיזע פאָדערונג. דאָס האָט נור געקענט ארויסרופען אזא רעוואָלוציאָנערע פּארטיי: און עס איז גאנץ נאטירליך. אנדערש קען מען דאָס גאָר ניט פערשטעהן.

דיזער אָרגאניזירטער טעראָר שליסט ניט אויס, זעלבסט־פערשטענדליך, קיין איינצעל טעראָר אָדער לאָקאלען טעראָר דאָרט, וואו דיא אומשטענדען פאָדערן עס, און וואָס איז שוין צו ריידען אז דאָס שליסט ניט אויס, זאָנדערן פערשטארקט פיעל פאכיג, דעם קאמפף מיט אלע אנדערע מיטלען, עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, וויא דעמאָנסטראציעס, סטרייקס, בויערן־בונטען, בילדונג פון גרופּען, פעראיינען און אלערליי רעוואָלוציאָנערע אויפקלעהרונג. און דיעזע אלע מיטלען ווערען אין דער ווירקליכקייט אָנגעווענדעט אויף א גרויסען איפן, מיט איבערראשענדער ענערגיע, פון דערזעלבער פּארטיי, וואָס פיהרט אזוי מוטהיג דיא עקאָנאָמישע און פּאָליטישע בעוועגונג אין רוסלאַנד: צווישען דיא בויערן וויא צווישען דע סשטאָדטישען פּראָלעטאריאט, צווישען דיא אינטעליגענטען וויא צווישען דיא ארבייטער, פון דערזעלבער פּארטיי, וועלכע טעראָריזירט דיא רעגיערונג און וועלכע האָט אלס קריעגס געשריי: „אין קאמפף וועסטו זיך דיין רעכט ערווערבען“.

מ. קאטץ.



רוסלאַנד'ס פרייד און לייד.

# די אבשטאמונג פון רעליגיאן

(נאָך הערבערט ספּענסער)

## איבערנאַטירליכע קרעפטע.

מיט דער הויף־ענטוויקעלטער שפּראַכע וואָס מיר בעזיצען היינט איז שווער אויסצודריקען דיא געדאנקען פון דיא ווילדע מענשען. זעהר אָפט ווערען זייערע געדאנקען מיסרעפּרעזענטירט. ווען מען זאָגט היינט, צום בייַשפּיעל, „איבערנאַטירליכע קרעפטע“ פערשטייט מען, אז עס זיינען אויך דאָ נאַטירליכע קרעפטע. נאָך מעהר: איידער מען בעגרייפט וואָס הייסט נאַטירליך איז גאָר ניט מעגליך קיין אידעע פון „איבערנאַטירליך“. איך מוז אָבער גערויכען דאָס וואָרט, ווייל עס איז ניטאָ קיין בעסערס. דער לעזער דאַרף זיך אָבער היטען צוצושרייבען דעם ווילדען דיזע בעגריפע, וואָס מיר פערשטייען היינט אונטער דעם וואָרט „איבערנאַטירליך“.

נאָך דיזער הקדמה לאָמיר זיך אָבמאָלען, אויף וויא פיעל עס איז מעגליך, דיא איינגעבילדעטע אומגעבונג, וואָס דער ווילדער בעשאַפט פאַר זיך פון דיא אידעען, וואָס זיינען געוועזען בעשריעבען אין דיא פריהערדיגע קאַפּיטלאָך.

מיט יעדען טוידט, וואָס טרעפט פון צייט צו צייט ביי א ווילדען שבט, קומט צו א גייסט צו דיא פיעלע גייסטער, וואָס זיינען פריהער געשטאָרבען. וויא מיר האָבען געזעהן, איז אָנפאַנגס געוועזען דער גלויבען, אז דיזע גייסטער זיינען ניט ווייט אוועק, אז זיי בעזוכען אָפט דיא אלטע היימאַט, דרייען זיך ארום דעם קבר און וואנדערן אין דיא דאַבייאַיגע וועלדלאָך. דיזע גייסטער, פערמעהרענדיג זיך כסדר, בילדען מיט דער צייט, א גאַנצע בעפעלקערונג.

אין א פריהערדיגען קאַפּיטאל איז שוין בעוויעזען געוואָרען, אז פיעלע פעלקער, דיא אידען אריינגערעכענט, האָבען געגלויבט, און מאַנכע גלויבען נאָך היינט, אז דיא וועלט איז פול מיט רוחות און מזיקים. נאָך איינינע פאַקטען וועלען פון דעסטוועגען דאָ זיין אם פּלאַץ.

„ביי דיא ניקאָבאַרס איז א מנהג, דאָס איין מאָל אין יאָהר, אָדער אין צייט פון עפּידעמישע קראַנקהייט, בויען זיי א גרויסע שיף, און זייער מינלאָווען (דער פּריסטער), לאָזט ארומשלעפען דיא שיף פון הויז צו הויז, מיט זיין געשריי צווינגט ער אלע שלעכטע גייסטער ארויסצוקומען פון דיא הייזער און אריין אין שיף; מענער, ווייבער און קינדער העלפען ביי דיזער ארבייט. נאַכהער פערמאַכט מען פעסט דיא טיהרען, דיא לייטערס ווערען אוועקגענומען, און דיא שיף ווערט אוועקגעשלעפּט צו דיא ברעגעס פון ים, וואו זיא ווערט באלד פערשלונגען פון דיא כוואַליעס מיט דיא גאַנצע מחנה טייוואָלים“.

אן עהנליכען מנהג געפינען מיר אין דיא מאלדיווע אינזלען. מאַנכע אינדיאַנער אין קאַליפאָרניא פערטרייבען יעדעס יאָהר דיא טייוואָלים וואָס האָבען זיך אָנגעקליעבען דורך דעם יאָהר. דיא אידען, וואָס ווייסען אז פון יעדע עבירה ווערט געבוירען א מזיק, וועלען זעהן אין דיא אידישע תשליך עפּעס א שייכות מיט דעם מנהג פון דיא ניקאָבאַרס. ביי קיין פאָלק, שיינט מיר, איז ניטאָ אזוי פיעל טייוואָלים וויא ביי אידען. וואָס שטעהט אין פּסוק: „יפּול מצדך אלף ורבבה ממינך“ — פון דיין זייט זאָל אָבפאלען טויזענד, און פון דיין רעכטער צעהנער טויזענד — זאָגט דיא גמרא, מיינט מען דאָס „יענע לייט“. אין רוסישע קליינע שטעדטליך זעהט מען נאָך היינט ארומגעהן דעם גלח אין א געוויסען טאָג „שווענטשען“.

דיא קערפּערלאָזע נשמות האָבען נאַטירליך ניט אימער דעם זעלבען געשטאלט, זיי בייטען אָפט דיא פאָרמע. מיט דער צייט פערגעסט מען דעם סדר הדורות, זיי זאַמלען זיך אָן אזוי פיעל אז מען קען מעהר קיין רעכנונג ניט האלטען, אלעס וואָס מען ווייס איז, אז עס איז פאַראַן אן אונגעהייערע מאַסע נשמות; דאָן קומען שוין אויך אויף נייע ערקלערונגען וועגען זייער ענטשטעהונג. עס איז אָבער קלאָר, אז אורשפּרינגליך קומען זיי ארויס פון דעם גלויבען אין דיא נשמות פון דיא טויטע.

און דיעזע אונגעהייערע צאָהל פון קערפּערלאָזע נשמות זיינען דעם ווילדען שטארק צוניץ געקומען, ער האָט זיי בעדאַרפט, זאָ צו זאָגען, אין זיין געשעפט, יעצט האָט זיך פאַר איהם

געעפענט א נייע וועלט. פיעלע ערשיינונגען אויף דעם הימעל אויף דער ערד, די אלע ענדרונגען, וואס ער האט זיך פריהער בשום אופן ניט גע־קענט ערקלערן, ווערען ביי איהם יעצט לייכט פערענטפערט. דיא וואלקענס וואס זאמלען זיך אן און ווערען פערשוואונדען, דיא שיס־שטערן, וועלכע צייגען זיך און פערגעהען א שטורם, אן ערד ציטערניס, אן אויסברוך פון א וואולקאן — אלע דיזע זאכען זיינען איהם יעצט פערשטענד־ליך. דיזע ברואים, וועלכע האבען דעם כח זיך צו צייגען און זיך צו מאכען אונזיכטבאר, דיזע חברה־לייטע זיינען דאס אומעטום און זיי בע־זארגען דאס דיזע אלע זאכען. און דיזעם וויע־דער פערשטערקערט דעם גלויבען אין דיא עק־זיסטענץ פון דיא נשמות. אזוי וויא קיין ריכטי־גע ערקלעהרונג וועגען דיא ענדערונג אין דיא נאטור קען דער ווילדער זיך ניט פארשטעלען, קומט ער צום שלוס, אז דאס אלעס ווערט גע־טאן פון דיא נשמות פון דיא טויטע. היינט ווען זיי קענען דאס אלץ אויפטאן, איז דאך א סימן, אז דיא נשמות עקזיסטירען נאך דעם טויט. אויף דיזען סארט דענקען דארף מען זיך ניט וואונדערן, מען געפינט דאס ביי אנדערע מענשען אויבער דיא ווילדע. דיא גאנצע זא־געגאנטע רעליגיאנס „פהילאזאפיע" געהט צו אויף אזא אופן. דער גרויסער גריכישער פהילא־זאף סאקראטעס האט גראדע אויף אזא אופן „בוויעזען" דיא אונשטערבליכקייט פון דער נשמה.

דיזע ערקלערונג פון דיא נאטור ערשיינונגען איז אייגענטליך דיא בעסטע וואס מען האט געקענט געבען, איידער מענשען האבען געוואוסט דיא וויסענשאפטליכע ערקלעהרונגען. דער ריי־זענדער ליווינגסטאן דערציילט פון געוויסע פעל־זענשטיינער וועלכע, וועהרענדיג שטארק אנגע־הייצט פון דער זון, און דאן מיט א מאל אבגע־קיהלט, צוקנאקען מיט א גרויסע געראויש. דיזע קנאקעריי זאגען דיא איינגעבוירענע ווילדע, קומען פון דיא שדים, וואס צוברעכען דיא שטיי־נער. וויא קענען זיי דאס אנדערש ערקלערן? אונצוויליזירטע מענשען קענען ניט בעגרייפען, ווי אזוי א שטיין קען קנאקען פון אונגלייכמעסי־גע צוזאמענציהונג; און ניט האבענדיג דיזען בעגריף, וואכער אנדער ערקלעהרונג פאר דעם קנאקען פון דעם שטיין קען זיין, וויא נור, אז דאס איז די ארבייט פון יענע בייזוויליגע חברה, וועלכע זיינען פול אומעטום?

הארריס, אין זיין בעשרייבונג פון דיא דאנ־קילס, דערציילט: יעדעס מאל ווען עס טרעפט א שטורם־ווינד, קען מען זעהן א דוצענד ווילדע נאכלויפען מיט זייערע וואפען אין דיא הענד, און שטעכען עס אריין גראדע אין דיא מיט, וואו דער שטויב הויבט זיך אויף, צו פערטרייבען דיא מזיקים וואס רייטען אויף דעם ווינד.

טהאמסאן זאגט: דיא אראקוניאנער גלוי־בען, דאס א שטורמווינד ווערט פעראורזאכט פון דיא מלחמות, וואס דיא נשמות פון זייערע לאנדס־לייט פיהרען מיט זייערע שונאים. דיא הייליגע גמרא אין ברכות זאגט: דאס וואס דער ווינד הייבט זיך א מאל אן צו דרייהען און דריי־העןן, קומט פון דיא שדים וואס טאנצען דאן, און ווען מען זאל דאן אריינווארפען א מעסער מיט דעם שפיץ אראב, וועט מען זעהן בלוט. נאטירליך, דארף מען דאס ניט טאן, ווייל ס'איז א סכנה, מען קען דאן אליין ניזוק ווערען. אי־דען גלויבען דאס ביז דעם היינטיגען טאג.

דער אונטערשיעד פון דיא גאנץ אורשפרינג־ליכע מענשען ביז דיא מעהר ענטוויקעלטע, וויא אין דיא צייטען פון דיא גמרא, אדער דיזע וויל־דע וואס גלויבען עס נאך היינט, בעשטייט נור אין דעם, וואס דיא ערשטע שרייבען דאס אלעס צו דירעקט צו דיא נשמות פון זייערע פערשטאר־בענע עלטערן, וועהרענד ביי דיא מעהר ענטוויי־קעלטע מענשען, נעהמען דיזע נשמות אן א זעלבסטשטענדיגע, אונבעשטימטע געשטאלט און עקזיסטענץ.

אין דעם טייך איז א מאל איינער פון דיא ווילדע דערטרונקען געווארען און האט זיך מעהר ניט געצייגט. דאס האט אוודאי געטראפען גאנץ אפט אין דעם זעלביגען טייך, ניט ווייט פון דעם ארט, זעהט מען א מאל דיא כוואליעס שלאגען, דיא שטיקלאך האלץ וואס שווימען דארט ארום נעמען זיך דרייען מיט א גרויסע שנעלינקייט, ביז זיי ווערען איינגעשלונגען און פערשוואונדען. וואס קען נאך זיין זעלבסטשטענדיגער וויא, אז דער „צווייטער איך„ פון דעם דערטרונקענעם —להכעים'ניקעס וויא דיא צווייטע „איך'ס" זיי־נען — וואהנט אין דיא געגענד און שלעפט אריין אין וואסער דיזע אלע זאכען. נאך מעהר: ער שלעפט אויך א מאל אריין מענשען וואס וואג־גען זיך צוצוקומען צו נאהענט. שטרענגט זיך א ביסעל אן און איהר וועט זיך עראינערן, דאס ניט לאנג צוריק האט איהר דאס אליין געגלויבט; איהר גלויבט עס נאך אפשר היינט אויך. ווען די וואס האבען געקענט דעם דערטרונקענעם זיינען צושטארבען, ווען די איינצעלהייטען פון די פא־סירונג זיינען, אין פערלויף פון דיא יאהרען, פערגעסען; און ספעציעל, ווען דיזער שטאם ווערט בעזיעגט פון א צווייטען, וועלכער ווייס גאר ניט פון זיין פערגאנגענע היסטאריע — דאן בלייבט נור דיא מעשה פון א וואסער־טייוועל, וואס בעזוכט דעם פלאץ און מאכט אן אלערליי צרות. און אזוי געהט עס כסדר. אין פערלויף פון דער צייט פערליערט מען דיא רעכנונג און

דעם סדר היחות פון די אלע נשמות; אלין וואָס בלייבט, איז דיא טראַדיציע; דיא מעשיות ווערען אימער אנדערש דערציילט; דיא ענדערונגען אין דער נאטור הערען ניט אויף, קיינע וויסענשאַפטליכע ערקלעהרונג וויים מען ניט, און אזוי ענטשטייט א וועלט פון שדים רוחות און מזיקים, מיט פערשיעדענע איינבילדונגען וועגען זייער ענטשטעהונג און וואָס זיי קענען אויפטאָן.

אז דיא גייסטער פון דיא טויטע, ווערענדיג, אמת, וואָס מעהר אונבעשטימט בעהאלטען אָבער א פערזענליכען געשטאלט, זיינען דאָס דיא לייטע וואָס מאכען אלע ענדערונגען אין דיא אויסערליכע נאטור, קענען זיי נאטירליך אויך מאַכען ענדערונגען אין דיא מענשליכע אנגעלעגנהייט, זייענדיג צו יעדע צייט ביי דיא האנד, און האנדלענדיג נאָך פערזענליכע פיינדשאפט אָדער פריינדשאפט, איז גאנץ אונגלויבליך זיי זאָלען זיך ניט מישען אין דיא מענשליכע האנדלונגען. דיא נשמה פון א שונא שפירט אלע מאָל נאָך אָנצומאכען צרות, ווערענד דיא נשמה פון א פריינד אָדער א קרוב איז אלע מאָל פערטיג אויסצוהיטען פון אן אונגליק, אָבער אויך אָנצומאכען א שאָדען, ווען מען דערצערענט איהר. ביי אלע פעלקער געפינען מיר טאַקי אויף דיזען אופן ערקלערט דיא אורזאכע פון ערפאָלג אָדער מיסערפאָלג. דעם ערפאָלג ברייגנען דיא גוטע נשמות און דעם מיסערפאָלג — דיא שלעכטע; און דער אונטערשיעד אין דיא גלויבענס ביי דיא פערשיעדענע פעלקער איז נור אין זייער גראַד פון ענטוויקלונג. ביי אידען, למשל, גלויבט מען ניט אזוי פיעל אין דירעקטע נשמות, הגם דיא נשמות האָבען ביי אידען א גרויכען כח, אָבער אין גוטע מלאכים און אין מלאכי הבלה. יעדע זאך וואָס געשעהט א אידען קומט פון א גוטען אָדער א שלעכטען מלאך. פון יעדע עבירה וואָס א איד טהוט ווערט געבוירען א מזיק, און פון יעדע מצוה — א מליץ; דיא איינע ווילען איהם טאהן שלעכטס און דיא אנדערע גוטעס, און צווישען דיעזע צוויי מחנות איז ככדר א מחלוקה. זיי טרעטען איהם ניט אָפּ אפילו נאָכ'ן טויט. דארום טאָר מען ניט געהן פון פּאָרענט ביי א לויה. פרייטאָג צו נאכט, ווען א איד קומט א היים פון שול, בעגעגנען איהם נור גוטע מלאכים, דארום זינגט ער: „שלום עליכם"; אין סוכה זיצען מיט איהם אלס געסט דיא גוטע מלאכים; איבערהויפּט, ווען א איד טהוט א מצוה, קען איהם קיין שלעכטס ניט געשעהן. דאָס האָט שוין דיא גמרה בעוואָרענט. זיא זאָגט: שלוחי מצוא אינן ניזוקין, (צו דיא וואָכ געהן טאָן א מצוה געשעהט קיין שלעכטס) פערקעהרט, שלעכטס קומט נאָר פון דיא „ניט גוטע".

אין דיא אידישע שפראַך געפינט מען אָנדייטונג אויף דיעזען גלויבען. א געלד שאָדען, הייסט א „היזיק", ווען איינעם געשעהט אן אונגליק צו זיין גוף, זאָגט מען, ער איז „ניזוק" געוואָרען, וועלכעס האָט א גרויסעס שייכות מיט דעם וואָרט „מזיק". דאָס זעלבע זעהט מען ביי אנדערע פעלקער.

יעצט, אז מיר האָבען שוין געזעהן, וויא אזוי דער ווילדער איז געקומען צו דעם געדאנק, אז יעדע טהעטיגקייט אין זיינע אומגעבונג ווערט קאָנטראָלירט פון דיא גייסטער, פון דיא טויטע; ווי אזוי דיזע גייסטער ענטוויקלען זיך, מיט דער צייט, צו גייסטער, מעהר אָדער ווייניגער פערשידען פון דיא אורשפּרינגליכע נשמות, לאָמיר יעצט בעטראכטען, וויא אזוי דער ווילדער הויבט אָן אויף דעם זעלבען אופן צו דענקען, אז דיעזע גייסטער קאָנטראָלירען אויך די טהעטיגקייט אין זיין גוף און אין דיא גופים פון אנדערע מענשען.

* * *

מיר מוזען יעצט אָנהויבען פון דאָס ניי. דיא ערשיינונגען, וועלכע בעווייזען דיא ענטוויקלונג פון דער מענשהייט, קומען ניט פאָר איינע נאָך דיא אנדערע אין אָרדנונג, אז מען זאָל זיי קענען ארויסשטעלען אין א רייהע; דיא ענטוויקלונג געהט וויא א זיג־זאג. א מאָל געהט עס פאָראויס און א מאָל ריקווערטס. דיא אונטערזוכונג מוז דאדורך צוגעהן אויף דעם זעלבען אופן. מיר האָבען אָנגעהויבען מיט דיא אורשפּרינגליכע אידעען פון דיא מענשען, וויא זיי האָבען בעטראכט דעם שלאָף, דיא בעוואוסטלאָזיגקייט און דעם טויט; פון דיעזע אידעען, האָט זיך ביי זיי ענטוויקעלט געדאנקען פון השארת הנפש (אונשטערבליכקייט פון דער זעעלע) און פון עולם הבא; מיר האָבען אויך געזעהן אז פון דיא זעלבע אורשפּרינגליכע אידעען האָט זיך ענטוויקעלט דעם גלויבען אין שדים, רוחות און מזיקים וועלכע זיינען פול אין דיא גאנצע וועלט און וואָסער איבערנאטירליכע קראפט זיי בעזיצען. מיר וועלען יעצט בעטראכטען וויא אזוי עס האָט זיך גלייכצייטיג ענטוויקעלט אן אנדער רייהע פון אידעען פון דיזעלבע אורשפּרינגליכע מיינונגען וועגען טויט.

אין צייט פון שלאָף, חלשות אָדער אפּאָפּלעקסיע, איז דער קערפּער כמעט גאנץ רוהיג; ביי'ם טויט איז דיא רוהיגקייט פאָלשטענדיג. עס קומט אלזאָ אוים, דאָס ווען דער צווייטער „איך" געהט אוועק, ליעגט דער קערפּער שטיל און טהוט גאָר ניט. עס טרעפט אָבער א מאָל דאָס דער קערפּע רליגענדיג אויף ד'רערד מיט פערמאכטע אויגען, נעמט זיך ווארפען און דרייען און שרייען; און נאָכדעם, ווען דער מענש איז אויפגעוואכט, וויים ער פון גאָר ניט צו זאָגען;

ער לייקענט נאָך אָב, אז ער האָט זיך געוואָרפען אָדער געשריען, וועהרענד די אנדערע לייטע האָבען עס אליין געזעהן מיט זייערע אויגען. וויא קען מען דיעזעס ערקלעהרען? אז דער צווייטער „איך" איז אוועק איז זיכער. וויא קומט אָבער וואָס דער קערפּער האָט געמאכט אזעלכע מישוגענע הויות?

דער ענטפער וואָס דער ווילדער האָט געגעבען אויף דיזע פראגע, איז דיא פערנינפטיגסטע וואָס מען קען זיך דענקען פון זיין שטאנדפונקט.

אונטער דיא פערשיעדענע פאָרמען פון אונבעוועגליכקייט אין צייט פון שלאָף, חלשות, א. ז. וו. געהט דיא נשמה אוועק שפּאצירען, און ווען זיא קומט צוריק, ווערט דער מענש וויעדער בעוועגליך—דיא נשמה קען אלזאָ ניט נור ארויסגעהןפונ'ם גוף, זיא קען צוריק אריין אין גוף ווען איהר פערווילט זיך. איז אפשר מעגליך, א פרעמדע נשמה זאָל פערבלאָנדזשען אין דעם גוף אריין? דער ווילדער דענקט, עס איז מעגליך.

פון דעם קומט דיא ערקלעהרונג וועגען עפּילעפּסיע (דיא פאליגע). דיא קאָנגאָס זאָגען, עפּילעפּסיע קומט פון א דיבוק. צווישען דיא אָסט־אפריקאנער איז „חולה נופל" א גאנץ געוועהנליכע זאך, און דיזעס האָט פעראורזאכט דער גלויבען אין א דיבוק; דיא קאלמיקען בעטראכטען עפּילעפּטיקער פאר מענשען, אין וועמען בייזע גייסטער האָבען זיך בעזעצט. אז דיא אידען גלויבען דאָס זעלבע, דארף מען דאָ ניט דערצעהלען; דיא אראבער געברויכען דאָס זעלבע וואָרט פאר דיבוק און עפּילעפּסיע. מען דארף אָבער גאָר ניט געהן אזוי ווייט. ביז ניט לאנג צוריק האָט דיזער גלויבען געהערשט און הערשט נאָך יעצט ביז א געוויסען גראד ביי אלע ציוויליזירטע פעלקער.

עס איז אָבער גאָר ניט נויטווענדיג דיא ערשטע נשמה זאָל אוועק געהן; א צווייטע נשמה קען אריין אין גוף זאָגאר ווען דיא ערשטע נשמה פערבלייבט. מיט דיזען ערקלערט דער ווילדער ספּאזמעס אָדער קרעמפּפען. דער מענש געהט ארום, דאכט זיך וויא אלע מענשען; מיט א מאָל נעהמט ער זיך ווארפען, לאכען, מאכען מיט דיא הענד, אָדער פערקרימען דאָס מויל. מיט זיין ווילען טהוט ער דאָס ניט, דאָס איז אלזאָ א סימן, אז אן אנדער נשמה איז אין איהם אריין. און ווען דער ווילדער איז געקומען אזוי ווייט, האָט ער שוין געמוזט געהן ווייטער. ווען געוויסע בעוועגונגען פונ'ם קערפּער קומען פון דיא גייסטער וואָס בעהעפטיגען זיך צום מענשען, קענען דאָך אנדערע אזעלכע בעוועגונגען, וועלכע דער מענש קען ניט קאָנטראָלירען, אויך קומען פון דיעזע גייסטער. פון דיזען האָט זיך אויסגעארבייט א גאנצע טהעאָריע וועגען געגעצען און ניסען. מאנכע ווילדע גלויבען, אז געגעצען אָדער ניסען איז א סימן פון א „רוח נבואה". ביי אלע פעלקער איז געבליעבען עטוואָס פון דיזע „טהעאָריע". דיא גמרא זאָגט אז אין יעקב אבינו'ס צייטען איז א מענש ניט קראנק געוועזען, נור ווען עס איז געקומען זיין צייט פון שטארבען, האָט ער געניאָסען און געשטאָרבען, דאדורך ווען איינער ניסט דארף מען זאָגען „אסאכי" „צור געזונדהייט", וויא דער דייטש זאָגט נאָך היינט. „ער האָט געניאָסען אויף דעם אמת", וואָס עס מיינט, עס בעשטעטיגט בנבואה. מאנכע אידען אָדער ריכטיגער, אידענעס, שפּייען אויס עטליכע מאָל ווען א קינד געגעצט, אין מאנכע פעלע שפּרעכט מען זאָגאר אָב אן „עין הרע", דאָס הייסט, מען וויל פערטרייבען דיא „ניט־גוטע" מיט „פערריידען דיא ציינער".

וועגען דעם גלויבען, אז גייסטער קענען אריין אין מענשען, אפילו דאן, ווען דיא נשמה איז ניט ארויס, ברייננגט ספּענסער נאָך א בעווייז, וועלכען ער רופט: זאָנדערבאר. ביי דיא קירגיזען, זאָגט ער, גלויבט מען, אז ווען א פרוי ליעגט אין קינד־בעט, געהט אין איהר אריין א טייוועל; און זיי האָבען זאָגאר א מנהג צו שלאָגען דיא קינפּעטאָרין, און ארויסצוטרייבען פון איהר דעם שד. ווען ספּענסער וואָלט געוואוסט פון דיא „שיר המעלות'ן" מיט דיא מכשפה ארום געדרייט אין אלע זייטען, וואָס מען הענגט אויף ביי א אידישע קינפּעטאָרין לעבען דיא טיהרען, פענסטער און קוימען; ווען ער וואָלט געוואוסט פון דעם ספר „רזיאל המלאך" מיט דעם מוהל מעסער, מיט דיא אלע שמירות און קמיעות, וואָס מען גיט ביי אונז צו א קינפּעטאָרין אין בעט אריין; מיט דעם לייענען קריעת שמע און דיא אלע אנדערע זאכען, וואָלט ער זיך ניט געוואונדערט וועגען דיא ווילדע קירגיזען.

וואָס איז א משוגעת? וואָס האָט פּאסירט מיט דיעזען מענשען וואָס האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד, וויל ניט עסען, דערקענט ניט קיין מענשען, רעדט מאכענדיג מיט דיא הענד צו יעמאנד, וועמען קיינער קען ניט זעהן; הויבט מיט א מאָל אָן צו ציטערן פאר שרעק, רעט נארישקייט און צולאכט זיך פון דער עלער הויט? און וויא קומט עס, וואָס נאָכדעם וויא ער האָט זיך בערוהיגט, וויים ער פון גאָר ניט צו זאָגען, אָבער דערציילט זאכען וואָס קיינער האָט ניט געזעהן? געוויס איז דאָס איינער פון די אונצעהליגע גייסטער, וואָס שלעפּען זיך כסדר ארום, אריין אין זיין קערפּער ביי נאכט, ווען זיין נשמה איז געוועזען אוועק.

א משוגענער צייגט געוועהנליך ארויס זעהר פיעל כח, ער קען מאנכעס מאָל בייקומען עט־

ליבע מענשען. פון וואנען האָט זיך מיט א מאָל צו איהם גענומען אזא גבורה? איז דאָס ניט נאָך א בעוויז „אז אין דעם יונג־זיצט א שד"? און דיזעס פערשטארקערט טאקע דעם גלויבען, אז משוגעת קומט פון דעם, וואָס א בייזער־גייסט איז אריין אין דעם מענש. דיזער גלויבען האָט עקזיסטירט ביז גאָר ניט לאנג צוריק, דיא ענגלישע קירכע האָט זאָגאר א געזעץ, וועלכעס פערביט ארויסצוטרייבען א שד, אָדער א דיבוק אָהן א ספעציעלע ערלויבניס. ערשט זייט דיא וויסענשאפט האָט ערקלערט, אז דער גייסטיגער צושטאנד איז א רעזולטאט פון דיא נערוויען־טהעטיגקייט, וועלכע ווערט בעאיינפלוסט פון פיזישע (קערפערליכע) אורזאכען, ערשט דאן איז מעגליך געוואָרען צו בעגרייפען דיא זאָנדערבארע אידעען פון א משוגענעם אויפ'ן נאטירליכען וועג.

קוים זיינען דיעזע אידעען איינמאָל אָנגענומען געוואָרען, האָבען זיי זיך שוין אליין פערשפרייט אויף אנדערע זאכען. פון דיא ניט־נאָרמאלע ערשיינונגען, וועלכע זיינען אויבען אויסגערעכענט געוואָרען, געהן דיזע ערקלערונגען איבער אויף געוועהנליכע זאכען. באלד זיינען אלע סאָרטען קראנקהייט ערקלעהרט געוואָרען אויף דיזען אופן. אין פיבער רעט מען פון היטץ; דיזעס איז א ביסעל עהנליך צו משוגעת, אין דער צייט פון פיבער איז אָבער דער קערפער אויך ניט אין אָרדנונג. דער שכל איז אלזאָ מחויב, אז ביידע, די גייסטיגע, ווי די קערפערליכע שוואכקייט, ווערען פעראורזאכט פון דעם זעלבען חברה מאן. און אויב א בייזער גייסט קען פעראורזאכען איין סאָרט קראנקהייט, קען ער אויך פערשאפען אנדערע קראנקהייטען, און דיזען גלויבען געפינט מען ביי אלע ווילדע שבטים, אויך ביי דיא האלב ציוויליזירטע נאָך ביז היינטיגען טאָג.

דערפון איז שוין לייכט איינצוזעהן, וויא אזוי עס איז ארויס געקומען דער גלויבען, אז דער טויט קומט פון איבערנאטירליכע קרעפטע. פון דיא אינדיאנער, וועלכע גלויבען ניט, אז דער טויט קען קומען אויפ'ן נאטירליכען וועג; פון דיא אנדערע ווילדע שבטים, וואָס שרייבען צו דעם טויט צו פערשיעדענע זאכען, וויא כישוף, בייזע גייסטער א. ז. וו. ביז דיא אידען און קריסטען, וועלכע גלויבען אין א ספעציעלען „מלאך המות" —איבעראל איז דער גלויבען, אז דער טויט קומט פון איבערנאטירליכע קרעפטע, און איבעראל קען מען זאָגען, שטאמט דיזער גלויבען פון דיא אורשפרינגליכע אידעען וועגען טויט.

אויב נשמות קענען ארויסגעהן פון זייערע קערפער און צוריק אריינקומען, ווארים קענען איינציגע נשמות ניט אריין אין פרעמדע קערפערס, ווען דיא אייגענע נשמות זיינען אוועק? ווען דער קערפער קען טאָן זאכען און נאכהער גאָר ניט וויסען, אז ער האָט עס געטאָן, וויא עס טרעפט ביי עפילעפטיקער, איז דאָס דער בעסטער סימן, אז אזעלכע זאכען טרעפען. ווייטער, ווען דער קערפער קען זיך אליין ניט קאָנטראָלירען און מוז טאָן זאכען, וועלכע ער וויל ניט, וויא ביי ספאזמעס, ניסען אָדער גענעצען, מוז דער שלום זיין, אז עס זיינען דאָ אזעלכע קרעפטע, וואָס בעשטימען דעם מענשען'ס האנדלונג, צו ער וויל צו ניט.

דיזעס ערקלערט אויך דיא האנדלינג פון א משוגענעם. דער פאקט, אז א משוגענער צובייסט און צורייסט א מאָל זיין אייגענעם קערפער, בעשטעטיגט דיזען גלויבען נאָך מעהר. דיא אמתע נשמה וואָלט ניט געשעדיגט איהר אייגענעם קערפער. היינט, אז דיא אלע זאכען געשעהן אויף אזא אופן, איז דאָך שוין זעלבסט פערשטענדליך, אז זיי פעראורזאכען אויך קראנקהייט, און אזוי וויא דער טויט איז זעהר אָפט דער רעזולטאט פון קראנקהייט, וואָס קען נאָך זיין לאָגישער און פערנינפטיגער וויא, אז דער טויט קומט פון „יענע לייט".

מיר האָבען אלזאָ א נייע רייהע פון אידעען, וועלכע שטאמען פון דיזעלבע אורשפרינגליכע אידעע פון דעם צווייטען „איך".

לאָמיר יעצט געהן ווייטער.

ווען אין א מענשענ'ס גוף קען אריין א בייזע נשמה פון א פערשטאָרבענעם שונא, קען אפשר אין איהם אויך אריין א גוטע און פריינדליכע נשמה? ווען דאָס ווארפען זיך פון אן עפילעפטיקער, דאָס ריטשען פון א וואנזיניגען, דאָס בייסען פון א משוגענעם ווערען פעראורזאכט פון דעם דיבוק, פון דעם טייוועל, וואָס זיצט אין מענשען, קען אפשר דיא פאָרטרעפליכע קראפט, דיא וואונדערבארע געשיקטקייט, וואָס מאנכער ציגט ארויס, ווערען פעראורזאכט פון א גוטע נשמה, וואָס זיצט אין איהם? ווען אין מענשען קען אריין א נשמה, זאָגאר ווען ער איז וואך, און איהם מאכען ניסען און גענעצען געגען זיין אייגענעם ווילען, קען אפשר אין איהם אריין א גוטער גייסט און איהם העלפען, און געבען איהם עקסטרא קראפט, אָדער וויסען, אָדער פערשטאנד? דער ווילדער ענטפערט גאנץ לאָגיש אויף דיזע פראגען מיט יאָ. און פון דעם קומען ווידער ארויס נייע אידעען.

דער פאקט דאָס משוגעים זיינען פיל שטארקער אין צייט פון אן אָנפאל, וויא נאָרמאלע מענשען, פעראורזאכט, וויא מיר האָבען געזעהן, דעם גלויבען; דאָס דיזע איבערנאטירליכע אגענטען בעזיצען איבערמענשליכע קרעפטען. דיזע קרעפטע מוזען אָבער ניט איממער זיין בייזע גייסטער, עס גיבט אויך א קראפט וואָס קען אויסגענוצט ווערען צום גוטען. מיר געפינען די־

זען גלויבען ביי פיעלע אַלטע פעלקער. דיא מיטהאָלאָגישע געטער פון דיא גריכען זיינען אַלע זעהר עהנליך צו מענשען נור זיי בעזיצען אן איבערמענשליכע קראפט.

גראדע אויף דעם זעלבען אופן קענען דיזע איבערנאטירליכע קרעפטע אריין געבען איבערמענשליכען פערשטאנד אָדער ליידענשאפט.

עס איז איבעריג דאָ צו ברענגען פאקטען וועגען דיעזען גלויבען. יעדער איד איז גוט בעקאנט מיט דיזע זאכען. וועלכער איד ווייס ניט פון „רוח הקודש“, פון נבואה א. ז. וו. איך וויל אָבער ברייגנען איין ביישפיעל.

דיא אמאזולים גלויבען, דאָס אין א מענש קען אריין א „רוח נבואה“ נור דורך פאסטען. זיי זאָגען, „אן אָנגעשטאָפּטע קישקע. קען ניט זעהן קיין סודות“. נאָך מעהר: דער וואָס וויל ווערען א נביא, דארף ניט שלאָפען, ער דארף זיך פייניגען. גאנץ דאָס זעלבע וויא ביי אידען. אויב איהר ווילט וויסען וויא אזוי צו קומען צו דיא מדריגה פון נביאות, אויב איהר ווילט אליהו זאָל זיך צו אייך מתגלה זיין, זייט מוחל און לעזט דעם „שבט מוסר“, דעם „ספר חסידים“, און איבערהויפט דיא „שבחי האר׳י“, און איהר ועט אויסגעפינען וויא אזוי אין אייך קען אריין א רוח־נבואה. דיא אידישע קללה: „א רוח זאָל אין איהם אריין“, איז זעהר כאראקטעריסטיש פאר דיזען גלויבען. דאָס וואָרט „רוח“ אליין ווערט אין לשון הקודש געברויכט פאר רוחות (טייוואָלים), און אויך פאר גוטע גייסטער, וויא רוח הקודש, רוח נבואה, רוח חים א. ז. וו. דאָס זעלבע איז אין דייטש: גייסטער, גייסט, בעגייסטערט א. ז. וו.

ווייטערע ענטוויקלונג פון דיעזע אידעען זיינען שוין אונפערמיידליך. דער איינפאכער פערשטאנד צווינגט זיי ארויף. ווען א שונא׳ס נשמה קען אריין אין א מענשען און צוריק ארויס קומען, קען מען אפשר מיט גוואלט ארויסטרייבען דיזען בייזען גייכט? און אויב מען קען דאָס ניט טאָן אויפ׳ן געוועהנליכען וועג, קען מען אפשר נעהמען צו הילף אנדערע איבערנאטירליכע קרעפטע? מיר ווייסן דאָך שוין, אז עס זיינען דאָ מענשען וועלכע זיינען בעזעצט פון גוטע גייסטער, וועלכע האָבען גראדע אזא כוח, און אפשר נאָך מעהר, וויא דיא ניט־גוטע; קען מען זיי אפשר בענוצען צו פערטרייבען דיא בייזע גייסטער, ווען זיי ווילען זיך ניט אָבטראָגען מיט גוטען? אזא אידעע לאָזט זיך זעהר גוט ריידען. דאָ האָבען מיר דעם אורשפרונג פון בעשווערען אָדער אָבשפּרעכען.

דער מעדיצינער ביי דיא ווילדע איז אורשפרינגליך געוועזן אן אָבשפרעכער. דאָס וואָס ראָוואלט דערצעהלט, אז ביי דיא מישמים, ווען איינער איז קראנק, שיקט מען נאָך דעם פריסטער ארויסצוטרייבען דעם בייזען גייסט, געפינט מען כמעט איבעראל. דיא אידעע איז אָנפאנגס געוועזן צו מאכען דעם קראנקענס קערפער אַן אונבעקוועמע וואָהנונג פאר דעם שד. מערקווירדיגע מיטלען האָבען אייניגע דערצו. דיא סומאטראנס בעמיהען זיך ארויס צו טרייבען דעם שד פון א משוגענעם מיט דעם וואָס זיי זעצען דעם משוגענעם אריין אין א הייזקע, און מען צינדט דאָס אונטער, איבערלאָזענדיג דעם משוגענעם זיך צו ראטעווען וויא ער קען. אנדערע גיבען דעם קראנקען צו שלינגען שרעקליכע זאכען און מאַכען אַן א גרויסען געשטאנק, כדי עס זאָל דעם שד מיאוס ווערען. אויב אייער מאמע, ליעבע לעזער, האָט אייך ווען אָפּגעשפּראָכען אן „עין הרע“ אָדער „פערמיאוסט“ אָדער „געפּסל׳ט“ א קראנקהייט, וועט איהר וויסען וואָס דאָס מיינט. דיעזער סאָרט אָפשפרעכען ענטוויקעלט זיך, גראדע וויא אלע אנדער זאכען; ביי דיא היינטיגע ציוויליזירטע מענשען נעהמט עס אויך אָן אן אנדער פאָרמע: א „גוטער איד“ טרייבט היינט ארויס א דיבוק דורך דעם קליינעם פינגער, ער היילט קראנקע מיט קמיעות אָדער תפילות, און דאָס טהוט ניט נור א „גוטער איד“, נאָר אויך „א גוטער גוי“. וואָסער פאָרמע דיזער גלויבען זאָל אָבער ניט אָננעהמען, מען קען אלץ זעהן דעם אורשפרינגליכען גלויבען אין רוחות און נשמות.

מיר זיינען אָבער נאָך ניט פערטיג מיט דיא רוחות. פון „דיא לייט“ איז זיך ניט לייכט אָפּצוטשעפּען......

דער מעדיצינער, וועלכער בעזיצט דעם כוח ארויסצוטרייבען בייזע גייסטער, מיט דיא הילף פון דיא גוטע גייסטער, וועט זיך נאטירליך שטעלען דיא פראגע,צו קען ער ניט בענוצען דיזעלבע גייסטער אויך צו אנדערע צוועקען. צו קען ער זיך ניט אָברעכענען מיט א שונא אָדער העלפען א פריינד? דער גלויבען אז ער קען, איז דער אָנפאנג פון כשוף. אז דיא הויפט חכמה פון כשוף בעשטייט פון בעשווערען דיא טויטע, זיי זאָלען ארויסקומען, ווייס יעדער איד פון דיא מעשה מיט שמואל׳ן, וועלכען שאול האָט געלאָזט ארויסברייגנען. דיזער גלויבען איז נאָך היינט זעהר שטארק פערשפרייט אפילו דאָ אין אמעריקא, וואו ס׳איז פאראן א גאנצע סעקטע וואָס רופען זיך ספּיריטואליסטען.

פון אָפּשפרעכען און כישוף איז שוין גאָר ניט ווייט ניסים. דער אונטערשיעד בעשטייט נור אין דיא אגענטען. כישוף ווערט געטאָן דורך דיא בייזע גייסטער, מיט דעם כח פון די טומאה, וויא א חסידישער רבי וואָלט געזאָגט; און ניסים קומען פון דיא גוטע גייסטער, פון דיא קדושה. דאָס קען מען אם בעסטען זעהן פון דיא וועטע צווישען אהרן הכהן און דיא חרטומים (דיא מאגיקער) פון מצרים. דיא חרטומים האָבען בע־

ווייזען דיא זעלבע וואונדער וואָס אהרן מיט זיין שטעקען. פּרעה האָט געגלויבט, אז זיינע מכשפים האָבען געארבייט מיט דעם כח פון זיין גאָט, ווערענד אהרן האָט בעוויזען דיא שטוקעס דורך א בייזען גייסט, און דיא אידען האָבען גע־גלויבט פונקט פאַרקעהרט. אזעלכע ניסים זעהט מען נאָך היינט יעדען טאָג ביי דיא ווילדע אין סאוטה אפריקא מיט רעגען. דיא בוקאנאנכ בע־טראכטען דיא מיסיאָנערן אלס „רעגען מאכערס". אין דיא טרוקענע לענדער וואו עס פאלט ווייניג רעגען, זעהט מען אויך שטרייטען צווישען דיא „קדושה" מיט דיא „טומאה", וויא דיא מעשה מיט אליהו הנביא און כהני הבעל (דיא פּריס־טער פון דעם אָבגאָט בעל) בעווייזען. אינטערע־סאנט איז וואָס דיא ווילדע האָבען בעטראכט פאר נביאים נור דיזע, וועמענס נבואה איז מקוים געוואָרן, ווערענד דער נביא וועמעס נביאה איז ניט מקוים געוואָרען האָבען זיי פערפאָלגט און בעשטראָפט. די אידען האָט אויך ניט געפעהלט קיין „רעגען־דאָקטוירים" וויא דיא ווילדע רופען דאָס. אזוי דערציילט דיא גמרא, דאָס „חוני המעגל" האט געקענט אראָב בריינגען רעגען מיט זיינע תפילות. מען האָט איהם גערופען „המעגל" ווייל ווען ער האָט געוואָלט אראָב־בריינגען רעגען, האָט ער געמאכט אן עיגול און איז פון דאָרט ניט אָבגעטראָטען ביז ער האָט געפּועלט. גאָט, דערצעהלט דיא גמרא, איז וויא פיל מאָל געווען בייז און האָט געזאָגט, ער וואָלט עס פאר קיין אנדער מענש ניט געטאָן, נור וויל עס איז חוני, א שיינער איד, קען ער איהם ניט אָבזאָגען. *)

*) איך וויל זיך דאָ בענוצען מיט דיא געלע־גענהייט אויפמערקזאם צו מאכען, אז דיא מעשה פון ריפּ־וואן־ווינקעל, וועלכער איז אזוי פּאָפּולער אין אמעריקא, ווערט צום ערשטען מאָל דערציילט אין דער גמרא וועגען דעם זעלבען „חוני המעגל".

לאָמיר דאָ אין קורצען איבער'חזר'ן דאָס גע־זאָגטע:

דער אורשפּרינגליכער גלויבען איז, אז דיא נשמות פון דיא טויטע געהן אריין אין דיא קער־פּער פון דיא לעבעדיגע, פּעראורזאכען קאָנוואול־סיע, משוגעת, קראנקהייט און טויט. דיזער גלוי־בען ענטוויקעלט זיך מיט דער צייט און געהט איבער אין א גלויבען אין איבערנאטירליכע קרעפטע. צוזאמען מיט דעם גלויבען אז אין א מענש געהען אריין בייזע גייסטער, קומט אויך דער גלויבען אין גוטע גייסטער, וועלכע גיבען איבערנאטירליכע קרעפטע, אָדער חכמה, אָדער נבואה. ווייטער, פון דיא אידעע, אז בייזע גייס־טער קענען אריין אין גוף און ארויס פון גוף, קומט דער גלויבען אין אבשפּרעכען. און דאן קומט דיא אידעע, אז מען קען דיזע גייסטער בענוטצען צו אנדערע זאכען — אז מען קען דורך זיי יעמאנד העלפען אָדער שאדען; און פון דעם שטאמט כשוף און ניסים.

און פון דיזען קומט אן אנדער אידעע.

ווען דיזע גייסטער קענען טאָן שלעכטס, ווען זיי זיינען בייז אויף איינעם, און גוטס, ווען זיי זיינען בעפריינדעט, איז אפשר דאָ א מעגליכ־קייט זיך אויסצוהיטען פון דיא שלעכטע? אפשר קען מען זיי מפייס זיין, איבערבעטען מיט עט־וואָס, אפשר קען מען זיי אָברופען, אָדער אָבנא־רען, אָדער זיך גאָר פיהרען אזוי, אז זיי זאָלען גאָר ניט ווערען בייז?

דיזע אידעע ברענגט דירעקט צו רעליגיעזע צערעמאָניעס. דערפון הייבען זיך אָן תפילות, מצות, מעשים טובים, קרבנות א. ז. וו. דיזע אי־דעען וועלען מיר אונטערזוכען, און מיר וועלען זעהן, אז זיי האָבען דעם זעלבען אורשפּרונג וויא די אלע אנדערע אידעען, וועלכע מיר האָבען ביז יעצט בעטראכט.

יעקב מילך.

# איבער רעליגיאָן, סאָציאַליזמוס און דער „ארבייטער רינג.“

רעליגיאָן איז א פּריוואט זאַך — דאָס איז א פעסטגעשטעלטער פּונקט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָגראַם און דאָס איז גאַנץ ריכטיג. אזוי דאַרף עס זיין. אָבער מען דאַרף עס ניט אָננעהמען בלויז אויפ'ן וואָרט, מען דאַרף גרינדליך בעטראַכטען און בענעהמען דיזען פּסוק און פערשטיין, וויא דער אידישער ווערטעל געהט, וואו דער חמור שטעהט.

מיט דיזען פּונקט איז געוואָרען דאָס זעלבע וואָס מיט יעדען פּסוק, וועלכען מען ווידערהאָלט אָפט אָהן נאָכצודיינקען ביז זיין ריכטיגע בעדייטונג און בעגרינדונג ווערען ביסלעכווייז אויסגעוועבט און עס בלייבט נור א טרוקענע און פערשטיינערטע דאָגמע. עס איז שוין יעצט אזוי וויט געקומען, דאָס פיעלע גענאָסען ווידערהאָלען דיזען „סאָציאַל־דעמאָקראַטישען פּסוק“, דיינקענדיג אז סאָציאַליסטען דאַרפען זיך גאָר ניט קימערן, אויב מען בויט קירכען אָדער אונווערזיטעטען, אויב מען פערשפּרייטעט אין פאָלק רעליגיעזע אָדער פרייידענקערישע שריפטען, אויב מען מאַכט רעליגיעזע פּראָצעסיאָנען אין דיא גאַסען אָדער מען האַלט וויסענשאַפטליכע פּאָרלעזונגען און אויפטרעגע אין בילדונגס־אנשטאַלטען פאַר'ן פאָלק, אויב מען האַלט דרשות אויף פּסוקים פון די זאָ־גענאַנטע הייליגע „שריפטען“ אָדער מען מאַכט בעקאַנט דעם עולם מיט'ן דאַרוויניזמוס און דיא גאַנצע עוואָלוציאָנס־לעהרע. דער סאָציאַליזמוס, זאָגען פיעלע סאָציאַליסטען, איז אַן עקאָנאָמישע לעהרע, א מאָגען־פראַגע, איז בעגרינדעט אויף דעם קלאַסענקאַמפּף און האָט ניט צו טאָן מיט אנטי־רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע. זאָלען דיא פרייידענקער קעמפּפען מיט רעליגיאָן, זאָלען זיי קריטיקירען דיא „הייליגע שריפטען“, זאָלען זיי פיהרען דיסקוסיאָנען מיט דיא גייסטליכע — דאָס איז זייער זאַך, דיא סאָציאַליסטען האָבען אַנדערע זאַכען צו טאָן, דאַרפען זיך אין גאַנצען אָבגעבען צו דער אָרגאַניזאַציאָן פון פּראָלעטאַריאַט, עקאָנאָמיש און פּאָליטיש.

געוויס, דיא סאָציאַליסטען האָבען אַנדערע זאַכען צו טאָן אויסער פרייידענקערישע פּראָפּאַגאַנדע; אָבער דערפון איז גאָר ניט נעדרונגען אז זיי דאַרפען דיזע פּראָפּאַגאַנדע פערנאַכלעסיגען און איבערלאָזען דיזען העכסט וויכטיגען פעלד פון אויפקלעהרונג פאַר דיא הייפּעלעך בורזשואזע פרייידענקער אין יעדען לאַנד. ווען מען האָט, נאָך לאַנגיעהריגע הייסע דעבאַטען, ענדליך אָנגענומען אַלס א *קאָמפּראָמיס* דעם־פּונקט: „רעליגיאָן איז א פּריוואט זאַך“, האָט מען נאַטירליך ניט געמיינט, אז דיא סאָציאַליסטען זאָלען אין זייער אגיטאַציאָן *אינגאַנצען* לאָזען אָן א זייט דיא רעליגיעזע פראַגע. אויך האָט מען ניט געמיינט אויסצודריקען דערמיט סתם דעם פּרינציפּ פון טאָלעראַנץ. דאָס איז געווען גאַנץ איבריג, דען קיינער האָט ניט חושד געווען און געקענט חושד זיין דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין אינטאָלעראַנץ, קיינער האָט ניט גערעכענט, אז ווען דיא סאָציאַל דעמאָקראַטען וועלען קריגען דיא פּאָליטישע מאַכט אין זייערע הענד, וועלען זיי זיין ערגער פאַר דיא קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע אַנערקענען אויך געוויסענס־פרייהייט. רעליגיעזע טאָלעראַנץ איז יעצט, א דאַנק דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, ניט בלויז א שעהנער וואָרט, ניט בלויז א פילאָזאָפישע שטרעבונג, ניט בלויז א ליבעראַלע פּאָליטישע פאָרדערונג, וויא נאָך אין אָנפאַנג פון ניינצעהנטען יאָהרהונדערט, זאָנדערן א *פאַקט*, א פונדאַמענטאַלער פּונקט פון יעדער קאָנסטיטוציאָן וואָס פערדיענט דיעזען נאָמען. אפילו אין דיא קאָנסטיטוציאָנעלע לענדער, וואו עס ווערען נאָך אַנערקענט שטאַאַטס־רעליגיאָנען, וואו דיא קירכע איז נאָך ניט אָבגעטהיילט פון שטאַאַט, פערפאָלגט מען אויך ניט און מען דולדעט אַנדערע רעליגיאָנען און אַלערליי סעקטען, וויא אויך פרייידענקער.

רעליגיעזע טאָלעראַנץ איז איבערהויפּט א פראַגע פון *שטאַאַט* און ניט פון א *פּאַרטיי*, זאָ לאַנג א פּאַרטיי האָט ניט דיא מאַכט צו *פערפאָלגען* איהרע געגנער. ווען, למשל, מיר זאָלען געהערען צו א פרייידענקער־פּאַרטיי און זאָלען ווער ווייס וויא הייס און ביטער קעמפּפען געגען דיא רעליגיעזע פּאַרטייען, הייסט עס, נאַטירליך, ניט, אז מיר זיינען אינטאָלעראַנט, אז מיר ווילען פערפאָלגען און אונטערדריקען אונזערע געגנער, וויא רעליגיי זיי זאָלען ניט זיין. פאַרקעהרט, דיא פרייידענק,

זיינען אלע מאָל דיא ערשטע צו פערלאנגען און צו פערטהיידיגען דעם פּרינציפּ פון טאָלעראנץ. זייער שטרעבונג איז נאָר צו עפענען דיא מוחות פון עולם און צו צייגען, וויא דום, פאלש און שעדליך דיא פאָרמעלע רעליגיאָנען זיינען, וויא לעכערליך עס איז צו גלויבען אין א ספּעציעלע אָפּענבארונג (ענטפּלעקונג) און אין מעהר אָדער וויינינגער אלטע און אבערגלויבישע „הייליגע ביכער“. יועלכע ענטהאלטען כלומרשט געבאָטען דירעקט פון גאָט דורך דעם מויל פון נביאים. קורץ, זיי בענוצען נאָר גייסטיגע געוועהר, ארגומענטען, אָבער קיינע צוואנגס־מיטעל.

און ווען זאָגאר א פריידענקער פּארטיי זאָל קריעגען דיא אויבערמאכט אין א געוויסען לאנד און אויספיהרען איהר פּראָגראם געגען דיא רעליגיעזע, לאָמיר זאָגען, בויען פאָלקסשולען אָהן רעליגיעזע אונטעררעכט, אָבשאפען די זאָנטאגס־געזעצע א. ז. וו., וועט דאָס אויך ניט הייסען אינטאָלעראנץ, דען זאָנסט וועט מען מוזען בעטראכטען יעדען מאיאָריטעט־בעשלוס אלס אן אקט פון אינטאָלעראנץ. געוויס, יעדער מאיאָריטעט־בעשלוס איז א צוואנג פאר דיא יעניגע, וואָס זיינען דערמיט ניט איינפערשטאנדען; אָבער אנדערש קען מען ניט לעבען אין א געזעלשאפט, וואָס דיא אנארכיסטען זאָלען ניט טענה'ן וועגען זייער „אבזאָלוטער“ פרייהייט.

ווארום אָבער, פרעגט זיך, האָבען דיא סאָציאל־דעמאָקראטען דאָך אריינגעשטעלט אין זייער פּראָגראם: „רעליגיאָן איז פּריוואט־זאך“? פּשוט גערעדט, צוליעב פּראקטישע צוועקען, הויפּטזעכליך צוויי: ערשטענס, ניט אָפּצושרעקען רעליגיעזע מענשען פון סאָציאליזמוס אלס א גאָטלאָזע לעהרע; צווייטענס, ניט צו צערשפּליטערן דיא קרעפטע אויף זייטיגע פראגען, וויא וויכטיג דיזע פראגען זאָלען ניט זיין אן און פיר זיך, און אָנצו־ווענדען דיא גאנצע ענערגיע אויף דיא ריין־סאָציאליסטישע פּראָפּאגאנדע.

מען האָט אָנגעוויזען און מען ווייזט נאָך יעצט אָן, אז דורך אן אנטי־רעליגיעזע פּראָפּאגאנדע, וויא דיא פריידענקער פיהרען איהר, שטויסט מען אָפּ, פון איין זייט, אזעלכע פּראָלעטאריער, וואָס קענען גאנץ גוט דיענען אין דער סאָציאל־דעמאָקראטישער פּארטיי פיר אלע איהרע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע צוועקען, נאָר פערבלייבען נאָך רעליגיעז, און פון דער אנדערער זייט פערליערט מען קרעפטע און צייט אויף פראגען, וועלכע האָבען ניט דירעקט צו טאָן מיט דעם קלאסענקאמפּף און סאָציאליזמוס. דיא יעניגע, וואָס האָבען געשטריטען, אז דער סאָציאליזמוס איז נאָך זיין נאטור נאָך אנטי־רעליגיעז; אז ער איז געבויט אויף דעם פונדאמענט פון פילאָזאָפיע און וויסענשאפט און אז, וואָס עס איז וויכטיגער פאר אלעס, ער קען גאָר ניט דורכגעפיהרט ווערען, זאָ לאנג דיא מאסען וועלען בלייבען פערדומט אונטער דעם איינפלוס פון דיא גייסטליכע — אזעלכע האָט מען געענטפערט, אז מען קען זיך פאָרלויפיג אנדערש ניט העלפען, אז דורך דיא פּראָפּאגאנדע פון סאָציאליזמוס וועלען די ארבייטער אליין קומען צו אלגעמיינע אויפקלערונג און פריידענקעריי, אז דיא וויסענשאפטליכע פילאָזאָפיע ברעכט זיך דורך א וועג אין דיא מאסען, אז דיא ארבייט פון דיא פריידיינקער געהט ניט פערלאָרען און אז, שליסליך, דיא צייט זעלבסט ווירקט אויפקלערענד אויף דיא פאָלקס־מאסען.

אלס בעוויז, דאָס סאָציאליזמוס איז ניט דוקא פערבונדען מיט אטהעאיזמוס, האָט מען געבראכט און מען ברענגט פאקטען, דאָס רעליגיעזע ארבייטער און אפילו גייסטליכע זיינען גאנץ אויפריכטיגע און גוטע סאָציאליסטען. דיזע פאקטען קען מען ניט אָפּלייקענען, יעדער סאָציאליסט ווייס גאנץ גוט, אז אונזער פּארטיי צעהלט א געוויסע צאָהל רעליגיעזע מיטגליעדער. אָבער דאָס הייסט אויף קיין פאל ניט, אז דעריבער דארפען סאָציאליסטישע פּארטייען בלייבען פערשטיינערט מיט דעם פּסוק „רעליגיאָן איז פּריוואט זאך“ און זיך גאָר ניט קימערן, אויב די רעליגיעזע שטרעמונגען ווערען פערשפּרייטעט און פערשטארקט אין פאָלק אָדער ניט. וויא פיעל רעליגיעזע מענשען זאָלען ניט צוטרעטען צו א סאָציאליסטישע פּארטיי, וועט עס אָבער גאָר ניט ענדערן דעם פאקט, דאָס דיא לעהרע פון סאָציאליזמוס איז געגען בלינדען גלויבען, געגען רעליגיאָן, אזוי וויא א טייך ענדערט ניט זיין שטראָם, וואָס דיעזער שטראָם זאָל אויפ'ן וועג ניט מיטשלעפּען.

רעליגיעזע מענשען אין א סאָציאליסטישער פּארטיי זיינען איבערהויפּט אן אויסנאהמע. אזעלכע פערשטעהען געוועהנליך ניט דיא פילאָזאָפישע זייט פון סאָציאליזמוס און לאָזען זיך מיטשלעפּען נאָך זייער קלאסען אינסטינקט. מעגען אפילו טויזענדער גייסטליכע זיך ערקלערען פאר סאָציאליסטען (געוועהנליך זיינען אזעלכע גייסטליכע קיינע פּארטיי־מיטגליעדער), וועט עס דאָך ניט ענדערן דעם פאקט, דאָס אלס קערפּערשאפט, אלס א קלאס זיינען דיא גייסטליכע דיא ערגסטע געגנער פון סאָציאליזמוס און דיא ביטערסטע רעאקציאָנערן איבערהויפּט. מיר ווייסען אויך גאנץ גוט, אז אין אונזערע רייהען געפינען זיך קאפּיטאליסטען, א סך מיטגליעדער פון דער בורזשואזיע; נאָך מעהר, אלע אונזערע סאָציאליסטישע לעהרערס און כמעט אלע אונזערע פיהרערס זיינען ארויס פון קאפּיטאליסטישען קלאס — קענען מיר דעריבער זאָגען, אז דער סאָציאליזמוס דארף גאָר

ניט ארויסטרעטען געגען קאפּיטאַליזמוס? אזעל־כע בורזשואזע קינדער, וועלכע זיינען געוואָרען סאָציאַליסטען, ווערען גאַנץ ריכטיג און טרעפ־ליך גערופען אויף פראנצויזיש „בורזשוא דע־קלאַסע" (דאָס הייסט: דעקלאַסירטע, וואָס זיי־נען אָבגעריסען געוואָרען פון זייער קלאַס) און זיי זיינען, נאָך אלעמען, אויסנאַהמען.

מיט פערגעניגען נעהמען מיר אויף אזעלכע „בורזשוא דעקלאַסע", ווייל זיי זיינען געוועהנליך ניט נאָר עהרליכע, זאָנדערן אויך אינטעליגענטע און געלעהרענטע מענשען, און מיר זאָגען זיך אויך ניט אָפּ פון רעליגיעזע און אפילו פון גייסט־ליכע, אויב זיי ווילען צוטרעטען צו אונז; אָבער צוליעב דעם דאַרפען מיר אויף א האָאר ניט אָבשוואַכען ניט בלויז דעם קלאַסען־קאַמפּף, זאָנ־דערן אויך דעם אנטי־רעליגיעזען און ספּעציעל דעם אנטי־גייסטליכען קאַמפּף. פּערטייטשען דעם פּונקט „רעליגיאָן איז פּריוואט זאַך" אלס פּאָל־שטענדיגע גלייכגילטיגקייט צו דיא רעליגיאָנען, וויא זיי עקזיסטירען אין דער ווירקליכקייט, הייסט איינפאַך פערקריכען אין היפּאָקריטיזמוס. אזא גלייכגילטיגקייט איז אויך שעדליך פאַר דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין אלגעמיינען.

אלס ביישפּיעל וועל איך דאָ ברייננגען פראנק־רייך. דאָרט ווערט אָנגעפיהרט א ביטערער קאַמפּף געגען דיא קאטאָלישע קירכע זייט דיא גרויסע רעוואָלוציאָן צו ענדע פון אכצעהנטען יאָהרהונדערט. ווען דיא יאַקאָבינער האָבען אומ־געוואַנדעלט קירכען אין קאַזאַרמעס, שטאַלען און פּערזאַמלונגס־פּלעצער און האָבען איבערגעגאָסען די קירכענגלאָקען אין קאַנאָנען. יעצט איז עס אזוי ווייט געקומען, אז מען קען אָפּשאַפען דעם „קאָנ־קאָרדאַט" (דאָס הייסט דעם אָבמאַך וואָס נאַ־פּאָלעאָן דער ערשטער האָט געשלאָסען מיט דעם פּאַפּסט וועגען דיא בעציהונגען פון דער קירכע צום שטאַאט) און דורכפיהרען דעם וויכטיגען פּרינציפּ וועגען אָפּטהיילען דיא קירכע פון שטאַאט, וויא צום ביישפּיעל אין דיא פעראייניג־טע שטאַאטען — וואָס זאָלען דיא סאָציאַליסטען טאָן? זאָלען זיי שטיין פון וויטענס מיט דעם פּסוק „רעליגיאָן איז פּריוואט זאַך" אָדער זיך אריינוואַרפען אין דעם קאַמפּף געגען דיא קלערי־קאַלען און קאַטוילישע גייסטליכע און שטיצען דעם ראַדיקאַלען מיניסטעריום, וואָס וויל דורכ־פיהרען דיזע העכסט־וויכטיגע רעפאָרמע אין פראַנקרייך?

דאָ האָט מען צו טאָהן מיט א גרויסע פּראַקטישע פראַגע, וועלכע איז ענג פער־בונדען מיט פּריידענקעריי און אנטי־קלעריקאַ־ליזמוס. ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג זיינען דיא סאָציאַליסטען געצוואונגען ארויסצוטרעטען פון דיא ענגע גרענעצען, אין וועלכע מען האָט איינגעשלאָסען דעם „רעליגיאָן איז פּריוואט זאַך". קיינער לייקענט ניט דיזען פּונקט אין אלגעמיינען, נאָר וויא קענען סאָציאַליסטען דערלאָזען, אז דיא גייסטליכע זאָלען אָנהאַלטען זייער פריהערע מאַכט? וויטער, וויא קענען זיי קעמפּפען געגען דיא קלעריקאַלען אָהנע צו אטאַ־קירען דיא רעליגיאָן אין אלגעמיינען?

אין דיזער בעציהונג האָט זשאַן זשאָרעס פּאָלשטענדיג רעכט, ווען ער שטיצט קאָמבּ'ס מיניסטעריום, אום אָפּצושוואַכען דיא גייסטלי־כע. אין זיין מאַרקסיסטישען אָרטאָדאָקסיזמוס איז זשול געד פערקראָכען אזוי ווייט, אז ער האָט זיך אויסגעדריקט וועגען דעם קאַמפּף געגען דיא קאטהאָלישע קירכע וויא וועגען עפּעס א קלייניגקייט פאַר דיא סאָציאַליסטען. דערויף האָט ער געקראָגען דיא קרעפטיגע און גלענצענ־דע אנטוואָרט פון זשאָרעס: „געד דרעהט אי־בער קאַפּויר יעדען געזעץ פון מענשליכען פּראָ־גרעס, אויב ער דענקט, אז א רעוואָלוציאָן וועט פּאַרקומען פאַר דיא פערשפּרייטונג פון ליכט. דורך דיא פערלענגערונג פון דער צייט פון אונ־וויסענהייט, פערשפּעטיגט מען דיא רעוואָלו־ציאָן".

יא, וואָס מעהר מען וועט איבערלאָזען דיא רעליגיעזע אונגעשטערט אין זייערע אַבערגלוי־בענס, וואָס וועניגער מען וועט ארבייטען צו עפּע־נען דיא פערבלענדעטע מאַסען, וואָס וויניגער מען וועט פערשפּרייטען ליכט און אויפקלעהרונג, אלץ שווערער וועט עס זיין דורכצופיהרען דיא סאָציאַליסטישע אידעאַלען, אלץ מעהר דערנער און שטערונגען וועלען אויפשפּרינגען אויף דעם וועג צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן. אום דיא סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט זאָל קענען פערנעה־מען דעם פּלאַץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער, איז ניט נור נויטווענדיג, אז דיא ארבייטער מאַסען זאָלען גוט פערשטיין זייערע קלאַסען־אינטערע־סען, זאָנדערן זאָלען אויך זיין אויפגעקלעהרטע מענשען און ניט גלויביגע שעפּסען. דאָס קען אָבער נאָר געשעהן דורך פּראָפּאַגאַנדע און אגי־טאַציאָן אין אלע ריכטונגען, וואו מען קען נאָר אטאַקירען און אָפּשוואַכען דעם שונא, אויף דעם פּאָליטישען אזוי גוט וויא אויף דעם עקאָנאָמישען פעלד, אויף דעם רעליגיעזען אזוי גוט וויא אויף דעם פּאָליטישען פעלד, אויף דעם פילאָזאָפישען אזוי גוט וויא אויף דעם מאַטעריעלען פעלד.

דיא סאָציאַליסטען טרעטען ארויס געגען די זאָ־געננאַנטע „פּיור און סימפּל" טרייד־יוניאָניס־טען, דיא יעניגע וואָס שטיצען זיך נאָר אויף דעם עקאָנאָמישען קאַמפּף דורך טרייד־יוניאָניסטישע אָרגאַניזאַציאָנען און פערנאַכלעסיגען דיא פּאָ־ליטישע טהעטיגקייט פון פּראָלעטאַריאַט. מיט

רעכט ערקלערען זיי, אז די ארבייטער מוזען געברויכען דיא פּאָליטישע אזוי גוט וויא דיא עקאָנאָמישע קאמפף־מיטעל געגען דיא קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט. אָבער אין דער זעלבער צייט פערנאכלעסיגען א סך סאָציאליסטען דעם קאמפף געגען רעאקציאָן אין אלגעמיינען, געגען קלעריקאליזמוס, געגען רעליגיעזע פערדומונג. מיט דער אויסרייד „רעליגיאָן איז פּריוואט זאך" גיבען זיי איבער דעם גייסט פון דיא פאָלקס־מאסען צו דיא גייסטליכע בעלי־דרש'ערס און אלערליי כלומר'שט מאָראליסטען. וואָס קימערט דאָס אונז, אויב איינער געהט אין סינאגאָגע אָדער קירכע, וויא באלד ער איז א מיטגליעד פון דער סאָציאליסטישער פּארטיי? פרעגען פיעלע גענאָסען. עס דארף אָבער אייך קימערן גאנץ שטארק, דען אזא מיטגליעד וועט ארויסטרעטען ג ע ג ע ן  א י י ך און וועט ש ט י מ ע ן  ג ע ג ע ן  א י י ך, ווען עס וועט זיך, צום ביישפּיעל, האנדלען, אויב מען זאָל בעשטימען א געוויסען טהייל פון קהל'שע געלט אויף א קירכע אָדער אויף א פאָלקס־אינסטיטוט פיר וויסענשאפטליכע פאָרלעזונגען. אין בעסטען פאל, ווען אזא מיטגליעד אנערקענט ווירקליך אלע פּרינציפּען פון סאָציאליזמוס, קען ער אָבער, נאָך זיין רעליגיעזען כאראקטער, ניט זיין א רעוואָלוציאָנער.

יעדענפאלס, מוז מען זוכען אזעלכען צו בעקעהרען, אויפצוקלערען און ניט איהם לאָזען צו רוהען מיט דעם „רעליגיאָן איז פּריוואט־זאך". מען טאָר איבערהויפּט ניט פערנאכלעסיגען דיא אנטי־רעליגיעזע פּראָפּאגאנדע. ניט אכטענדיג אויף דעם פּסוק „רעליגיאָן איז פּריוואט־זאך", דארף מען ביי יעדער געלעגענהייט פערשפּרייטען פרייע געדאנקען און קריטיקירען דיא רעליגיעזע לעהרען. דאָס איז א וויכטיגע קולטורעלע ארבייט.

נאָר דיזע קריטיק, דיא אויפקלעהרענדע טהעטיגקייט דארף געפיהרט ווערען אויף א געלאסענעם און ניט אויפהעצענדען שטייגער, ניט וויא דיא אמאָליגע אפּיקורסים פלעגען עס טאָן. דער פּונקט „רעליגיאָן איז פּריוואט־זאך" איז אָנגענומען געוואָרען טהיילווייז צוליעב דעם, וואָס פיעלע סאָציאליסטען האָבען זיך צופיעל אָבגעגעבען צו אנטי־רעליגיעזע אגיטאציאָן און האָבען איינפאך זיך אויסגעלאכט פון רעליגיאָנען, געברויכענדיג שימפּף־ווערטער און נארישע ארגומענטען. מען איז אָבער אזוי אריבער פון איין עקסטרעם צו אן אנדערן, דען יעצט קוקט מען צווישען דיא פינגער אויף רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען.

דיא אויפקלערענדע קריטיק דארף זיך בענוצען מיט דיא ק ו ל ט ו ר  ג ע ש י כ ט ל י כ ע נאָכפאָרשונגען איבער דיא ע נ ט ש ט ע ה ו נ ג און ע נ ט ו ו י ק ל ו נ ג פון ר ע ל י ג י אָ נ ע ן, אָבער זייער עהנליכקייט ביי אלע פעלקער אויף דער זעלבער גייסטיגער שטופע. דער אמאָליגער אפּיקורסות, וועלכער האָט געקוקט אויף רעליגיאָנען וויא אויף עפּעס אן אויסגעטראכטע זאך, וויא אויף א שווינדלערישע פערבלענדונג פון כהנים צו בעהערשען און צו עקספּלואטירען דעם עולם, האָט אָבגעטראָטען דעם פּלאץ צו גרינדליכע וויסענשאפטליכע נאָכפאָרשונגען, וועלכע צייגען, אז רעליגיאָנען האָבען זיך ענטוויקעלט אויף א נאטירליכען וועג און זיינען געווען נויטווענדיג אין דעם לעבען פון מענשען. אזא אויפקלערונג קען קיינעם ניט אויפרייצען און ניט אָבשטויסען. וויא רעליגיעז איינער זאָל ניט זיין, דען ער מוז פיהלען און איינזעהן, אז ער האָט דאָ צו טאָן מיט פאקטען און בעווייזע, אזוי וויא ווען מען ערקלערט איהם, וויא דיא ערד דרעהט זיך ארום דיא זון, אָבוואָהל דאָס שטימט גאָר ניט מיט דער ביבלישער אסטראָנאָמיע.

ווען איהר זאָלט, צום ביישפּיעל, צוקומען צו א אידען און איהם זאָגען, אז משה איז געווען א שווינדלער, דען ער האָט גענארט דעם עולם מיט זיינע נסים, וויא אלט־מאָדישע אפּיקורסים האָבען עס געזאָגט, וועט איהר איהם נאָר אויפרעגען געגען זיך, און וואָס פאר א פערנינפטיגע זאכען איהר זאָלט נאכהער ניט זאָגען, וועט עס זיין ארויסגעוואָרפען. ווען איהר זאָלט אָבער משה'ן לאָזען צו רוה און ערקלערען, אז דיא ביבעל איז א וויכטיגער היסטאָרישער דאָקומענט פון אידישען פאָלק, וואָס האָט אויך א גרויסע וויכטיגקייט פיר דיא קולטור געשיכטע, נאָר זאָלט דערביי איבערגעבען, נאָך דיא נייע קריטישע נאָכפאָרשונגען פון גרויסע געלעהרטע, ווען און וויא אזוי יעדער טהייל איז געשריעבען געוואָרען, וויא ווייט דיא ביבלישע שילדערונגען שטימען מיט דיא שילדערונגען פון אנדערע פעלקער, וויא, צום ביישפּיעל, דיא מעשה מיט'ן גן־עדן געפינט זיך אויסגעקריצט אויף זעהר אלטע מאָנומענטען פון בבל, דאן וועט ער אייך יעדענפאלס אויסהערען מיט אינטערעס און איהר וועט שוין קענען ווייטער ווירקען אויף איהם, אום איהם אויפצוקלעהרען. הערבערט ספּענסער, טיילאָר, שטיינטהאל, מאקס מיללער און פיעלע אנדערע געלעהרטע האָבען מעהר אונטערגראָבען דיא רעליגיאָנען, וויא אלע אמאָליגע ראציאָנאליסטען און אפּיקורסים, וועלכע האָבען געזוכט ווידערשפּריכע אין דיא הייליגע ביכער און האָבען אָבגעלאכט פון דיא געשיכטען, וועלכע זיינען דאָרטען פערצייכענט; אָבער זייערע ווערק העצען דאָך ניט אויף די רעליגיעזע. דארווינ'ס לעהרע איז אבזאָלוט געגען דיא ביבלישע מעשה בראשית, אָבער זיא וועט דאָך ניט אזוי אויפהעצען א פרומען אידען, ווען מען זאָל איהם

דאָס געבען צו פערשטיין, וויא ווען איינער זאָל איהם אויף דעם אלטען אפּיקורסישען שטייגער אויסשרייען, אז, צום ביישפּיעל, דיא מעשה מיט יציאת מצרים איז א ליגען, א פאַנטאַזיע. אגב אורחא, אזא מיינונג איז אויך א גרונד־פאַלשע, דען עס קען קיין צווייפעל ניט זיין, אז אידען האָבען געלעבט אין מצרים און פון דאָרטען איינגעוואנדערט.

אָט, למשל, ווערן אין דער „צוקונפט" געדרוקט ארטיקלען פון געג. מילך נאָך ספּענסער'ס ווערק איבער רעליגיאָן. א פרומער איד, לאָמיר זאָגען, וועט דורך דעם ניט ווערען א פריידענקער; זאָל זיין, אז ער וועט זיך זאָגאר אָבטרייסלען פון זיי און ערקלעהרען פאר א געפעהרליכע אפּיקורסת, אָבער עס איז זיכער, אז ווען ער וועט זיי לעזען, וועט ער ניט אזוי אויפגערעגט און צוקאָכט ווערען, וויא ווען ער וועט לעזען עפּעס פון א משכיל, וואָס לאכט זיך אויס פון רעליגיאָן.

קורץ, מען דארף פערשטיין, וויא צו קריטיקירען דיא רעליגיאָן, אום צו קענען אויפקלעהרען דיא רעליגיעזע. אָבער ניט דאָס בין איך דאָ אויסען. דאָס וואָס איך בין דאָ אויסען און וואָס איך וויל, אז אלע פריידענקענדע סאָציאַליסטען זאָלען זיך נעהמען צום הארצען, איז אז זיי זאָלען אויך קעמפּפען אלס פריידענקער, וויא פיעל מען זאָל ניט אנערקענען פיר ריכטיג, אז רעליגיאָן איז פּריוואט־זאך.

* * *

יעצט עטליכע ווערטער וועגען דעם „ארבייטער רינג", וועלכער געפינט זיך צווישען צוויי פייערן איבער דיא רעליגעזע פראגע. מיר האָבען דאָ אין א קליינער מאָס א שטרייט וועגען דיא אָנווענדונג פון דעם פסוק „רעליגיאָן איז פּריוואט־זאך". מיר זעהען דערביי, וויא שטארק רעליגיעזע אנשויאונגען זיינען נאָך איינגעוואָרצעלט ביי דער מאסע, וויא פעסט אפילו אידען, וואָס האלטען זיך פאר סאָציאַליסטען, זיינען נאָך צוגעבונדען צו דיא צערעמאָניעס פון דער אידישער רעליגיאָן און וויא פיעל מען האָט נאָך צו קעמפּפען, אום ארייצוקלאפּען אין זייערע קעפּ פרייע געדאנקען. נאָך דעם אויבען געזאָגטען, גלויב איך, איז פאר מיר איבעריג צו בעמערקען, אז מיינע סימפּאטיען זיינען אויף דער זייט פון דיא יעניגע מיטגליעדער פון „ארבייטער רינג", וועלכע שטרעבען צו מאכען דיזען אָרדען פאר אן אמת פּראָגרעסיווען און פריידענקערישען. אָבוואָהל איך בין גאָר ניט איינפערשטאנדען מיט דער ארט און ווייזע, וויא געג. ראָזענצווייג, דער אָרגאנייזער פון „ארביימער רינג" פיהרט זיין אנטי־רעליגיעזע אגיטאציאָן, דען ער האלט זיך אָן דיא געוועהנליכע אפּיקורסישע טענות און מוז אויפהעצען רעליגיעזע געגען זיך מיט אזעלכע פעפערדיגע אויסערונגען, וויא „גאָט איז א ליגען", „דער וואָס גלויבט איז ענטווידער א נאר אָדער א שווינדלער" און אנדערע, וועלכע ער האָט אויך געברויכט אין זיין בריעף אין דער „פרייע ארבייטער שטימע", וואָס האָט ארויסגערופען דיא דיסקוסיאָן איבער דיא בעציהונגען פון „ארבייטער רינג" צו רעליגיאָן — דאָך, מוז איך צוגעבען, אז זיין פּראָטעסט געגען דעם, וואָס דער „ארבייטער רינג" פערקריכט אזש אין שולען מיט זיין צו ברייטע אָנווענדונג פון „רעליגיאָן איז פּריוואט־זאך", איז אם פּלאץ. אויב עס איז ווירקליך אזוי, וויא איינעגע מיטגליעדער האָבען זיך מודה געווען אין זייערע בריעף צום „פאָרווערטס" און צו דער „פרייער ארבייטער שטימע", אז דיא מאיאָריטעט אין פיעלע ברענטשעס פון „ארבייטער רינג" איז אזוי ווייט רעליגיעז, דאָס ימים נוראים ווערן זיי טאקי צוציטערטע און לויפען אין שול אריין, דאן איז יעצט דיא ריכטיגע צייט פאר דיא פריידענקענדע מיטגליעדער זיך גוט ארומצוזעהען און ניט צו דערלאָזען, אז דיעזער אָרדען, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען מיט פּראָגרעסיווע צוועקען, זאָל קענען אומגעוואנדעלט ווערען אין א געוועהנליכען אידישען אָרדען.

די פראגע ווערט דאָ קאָמפּליצירט דורך דעם, וואָס דער „ארבייטער רינג" האָט אויך מאטעריעלע אינטערעסען. דיזע אינטערעסען צווינגען איהם נאטירליך צו יאָגען זיך נאָך א פערגרעסערונג פון די צ אָ ה ל מיטגלידער, ניט אכטענדיג אויף זייערע געזינונגען און אפילו האנדלונגען. צוליעב דיא קוואנטיטעט פערליערט מען אין קוואליטעט. דאָס איז א געפאהר, וועלכע וועט ווערען אלץ גרעסער, וואָס דיזער אָרדען וועט ווערען צאָהלרייכער און פאָלגליך ר י י כ ע ר. דאן וועט דער אינטערעס פון דיא רעליגיעזע ווערען גרעסער צו פערכאפּען דיא פערוואלטונג אין זייערע הענד און זאָגאר צו פערשטויסען דיא פריידענקער. אזעלכע ענדערונגען זיינען שוין פאָרגעקומען אין פיעלע אנדערע קערפּערשאפטען, און דאָס איז א גאנץ נאטירליכע זאך, אויב מען נעהמט ניט אָן פאָראויס ריכטיגע פאָרזיכטס־מיטעל.

דאָ איז ניט דיא פראגע וועגען טאָלעראנץ, דען יעדער פעראיין האָט פאָלשטענדיג דאָס רעכט ניט אָנצונעהמען אירגענד וועלכע פערזאָן אלס מיטגליעד; דאָ איז זאָגאר ניט א פראגע אויב גלויביגע זאָלען אָנגענומען ווערען אלס מיטגליעדער פון „ארבייטער רינג"; דיא פראגע איז דאָ: אויב דער „ארבייטער רינג" זאָל צולאָזען, אז ד י א מ א י אָ ר י ט ע ט ז אָ ל ז י י ן א ר ע ל י ג י ע ז ע אין גאנצען אָרדען, אזוי וויא דאָס איז שוין לייד‎ער דער פאל אין פיעלע ברענטשעס. איך גלויב, אז ווען מען זאָל אזוי

שטעלען דיא פראגע, וועט מען פערשפּאָרען פיעל צו דיסקוטירען און מען וועט פערזיכערן דיא עקזיסטענץ פון „ארבייטער רינג“ אלס א פּראָגרעסיווען אָרדען, ווען אפילו איינינע מיטגליעדער זאָלען זיין גבאים פון שולען און רבנים.

געג. ראָזענצוויג וואונדערט זיך, וויא קענען גאָר רעליגיעזע לייט ווערען מיטגליעדער פון „ארבייטער רינג“, און ער דענקט, אז אַזעלכע זיינען פעררעטהער; אָבער ער האָט דאָ ווידער א טעות, דען ער וויל ניט נעהמען אין אנבעטראכט דיא זאָנדערבארקייטען פון דער מענשליכער פּסיכאָלאָגיע און דאָס ניט יעדערער גיט זיך אָפּ א קלאָהרע רעכנונג, וואָס ער טהוט אין וואָס דער אָרדען בעצוועקט, ווען ער פערשרייבט זיך אלס מיטגליעד. און ווייטער, וויא גענאָבע פייגענבוים ערקלערט עס און וויא דיא פּראַקטיקע צייגט עס נאָך שארפער, שטעלט מען גאָר ניט דירעקט ביי דער אויפנאהמע פון נייע מיטגליעדער דיא פראגע וועגען זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען. דארום דארף מען זיך גאָר ניט וואונדערן, וואָס עס קומען אלץ מעהר אריין רעליגיעזע מיטגליעדער. מען דארף זיך, פערקעהרט, וואונדערן, וואָס דיא פריידענקענדע מיטגליעדער דערלאָזען עס מיט אזא לייכטע הארץ און גלייכגילטיגקייט, שטיצענדיג זיך כלומרשט אויף דעם פּרינציפּ פון טאָלעראנץ און ניט זעהענדיג, וויא זיי וועלען פערליערען דעם באָדען אונטער זייערע פיס אין א גאנץ קורצער צייט, אויב דיא טאקטיק פון יאָגענעם נאָך דיא צאָהל מיטגליעדער וועט ווייטער פאָרטגעזעצט ווערען.

געג. פייגענבוים'ס שטאנדפּונקט אין דיעזען שטרייטפּונקט איז פאר מיר ניט קלאָר, מוז איך געשטעהן. ער וויל עפענען ווייט און ברייט דיא טיהרען פון „ארבייטער רינג“ פאר גלויביגע, וואָס זיינען צופריעדען צו לאָזען פיהרען דיסקוסיאָנען איבער רעליגיאָן און וואָס קענען מיט דער צייט אזוי ווערען פריידענקער. ער זוכט „*איינפאכע רעליגיעזע* מענשען, וואָס זיינען ניט קיין רעליגיעזע קאָכלעפעלס, נאָר געהען זיך שטיל זייער מעהר אָדער ווייניגער פרומען וועג פאר זיך“. דאָס איז זעהר גוט, אָבער וואו איז דער *קריטעריום* פון דיעזער איינפאכקייט? וויא קען מען ביי דער אויפנאהמע פון א מיטגליעד בעשטימען, אז ער וועט ניט ווערען א שטערונג פאר דעם „ארבייטער רינג“, אז ער וועט ניט שטעלען העכער די פראגע פון דאוונען ראש השנה אין א שוהל, וויא דיא גאנצע עקזיסטענץ פון דעם אָרדען? בלייבט דאָך ניט אנדערש גוט דורכצוטרייבערן און אויספאָרשען א קאנדידאט, ווען ער גיט זיך אָן פאר א פרומען איד. טהוט מען דאָס אָבער, פאסט מען דען ריכטיג אויף, וואָס פאר א סאָרט מענש דער רעליגיעזער מיטגליעד איז? וויא ווייט איך קען אורטהיילען פון דיא פערעפענטליכטע בריעף, הויבט מען דאָס גאָר ניט אָן צו טאָהן, ווייל מען האָט הויפּטזעכליך אין אויג צו האָבען וואָס מעהר מיטגליעדער.

איבערהויפּט דיא ערקלעהרונג, וואָס געג. פייגענבוים גיט וועגען דעם צוועק פון „ארבייטער רינג“, איז צו ברייט און ניט גענוג קלאָר. מען דארף נאָך אויסארבייטען געוויסע פּונקטען צו *בעשרענקען* דיא אויפנאהמע פון רעליגיעזע מיטגליעדער. ער אליין גיט צו, אז „דער ארבייטער רינג וויל אויף קיין פאל ניט, אז זיינער א ברענטש זאָל אָפיציעל(?) זיין א רעליגעזע חברה און האָבען רעליגיעזע אויפגאבען“. נו, וויא איז, ווען א ברענטש וואנדעלט זיך אום אין א שול ימים נוראים? זאָל מען אזא ברענטש אָנהאלטען אָדער אויסשליסען? ווייטער מאכט געג. פייגענבוים נאָך א בעשרענקונג. „אויך, זאָגט ער, וועט דער ארבייטער רינג ניט אריינגעהמען בעוואוסטע כלי קודש, וועלכע זיינען בעקאנט אלס גאָט'ס קאָזאקען“. אזעלכע וועלען וואהרשיינליך זיך גאָר ניט פאָרשלאָגען אלס מיטגליעדער אין „ארייטער רינג“, זאָ דאָס אזא בעשרענקונג איז נוצלאָז. נאָר וויא זאָל זיין, צום ביישפּיעל, מיט א חזן, וועלכער איז אפיציעל א כלי קודש, נאָר אין דער ווירקליכקייט איז ער גראדע א פרייגעזאָנענער מענש, וויא דאָס איז ניט זעלטען דער פאל אין אמעריקא?

נאטירליך, געג. פייגענבוים האָט טהעאָרעטיש פאָלשטענדיג רעכט, ווען ער ערקלערט, אז מען דארף צוציהען דיא פרומע און זיך אָנשטרענגען זיי אויפצוקלערען דורך פאָרלעזונגען און פרייע דיסקוסיאָנען; אָבער דאָס קען מען אויך און מען דארף טאָן ניט בלויז דורך דעם „ארבייטער רינג“, זאָ דאָס אזא בעשריינקונג אין אָפענע פערזאמלונגען און בעזאָנדערס בראָשורען און ביכער. דער „ארבייטער רינג“ אלס אָרדען איז אָבער א *געשלאָסענע קערפּערשאפט* מיט *פערשיעדענע צוועקען*, און ער מוז גאָר ניט האלטען אָפען זיינע טהירען פאר גלויביגע, טאָמער וועלען עטליכע פון זיי אויפגעקלערט ווערען דורך א פערקעהר מיט דיא פרייגעזאָנענע מיטגליעדער. ער מוז שטרעבען צו איינהייט, צו פריינדליכע הארמאָניע אין יעדער ברענטש. ער מוז אויך אָנהאלטען זיין פּראָגראם און פערהיטען זיין עקזיסטענץ שוין איינפאך צוליעב דיא מאטעריעלע אינטערעסען. איז דאָס דען מעגליך, ווען דיא מיטגיליעדער זיינען צושפּאָלטען וועגען רעליגיעזע פראגען? נאָך מיין מיינונג איז דאָס נאָך ווייניגער מעגליך, וויא ווען מען איז ניט

איינינג וועגען פּאָליטישע פראגען, וועגען פּאָליטישע פּארטייען. דאָס וואָס דער „ארבייטער רינג“ האלט זיך, טראָ'ז דעם ווידערשפּרוך פון זיין צוועק מיט דיא געזינונגען פון א גרויסען טהייל פון זיינע מיטגליעדער, איז נאָך גאָר קיין בעוויז ניט, אז ער וועט זיך שפּעטער אָנהאלטען. איך ווידערהאָל עס, איך זעהע יעדענפאלס א גרויסע געפאהר פאר דיא עקזיסטענץ פון „ארבייטער רינג“ דורך דיא צו אָפענע טיהרען פאר דיא רעליגיעזע, וויא געג. פייגענבוים און זיינע אנהענגער ווילען עס אָנהאלטען.

די מיטגליעדער פון „ארבייטער רינג“ דארפען ניט פערגעסען, אז זיין עקזיסטענץ־בערעכטיגונג ליעגט אין דעם, מיט וואָס ער אונטערשיידעט זיך פון אנדערע אידישע אָרדענס, דארונטער אויך אלס פריידענקער. ער דארף זיך דארום היטען אָנצונעהמען גלויביגע אלס מיטגלידער און איבערהויפּט שטרענג אויפּפּאסען אויף די קוואַליטעט און דיא געזינונגען פון דיא קאנדידאטען. דערצו מוז מען איינפיהרען געוויסע בעשרענקונגען, געוויסע פּאָרזיכטס־מיטעל. מען מוז אויסארבייטען בעשטימטע פּונקטען ביי דער אויפנאהמע פון נייע מיטגליעדער, פּונקטען, וועלכע אלע ברענטשעס זאָלען זיין פערפליכטעט אָבצוהיטען און אויסצופיהרען. נאָר יעדענפאלס מוז דיא מאיאָריטעט פון „ארבייטער רינג“ שטענדיג פערבלייבען פּראָגרעסיווו און פרייגעזאָנען.

פּ. קראַניץ.

# דיא ערשטע האלבע מיליאָן

דער האי־יאָהריגער וואהל־קאמפּף האָט זיך געענדיגט מיט א גרויסען זיעג — דעם ערסטען אמת־גרויסען זיעג — פאר'ן סאָציאליזמוס בכלל און פאר דיא סאָציאליסטישע פּארטיי בפרט.

עס איז אמת, נאָך דיא אָפיציעלע שטימענצעהלונג וועט זיך גיכער ארויסשטעלען אז מיר האָבען דיא 600 טויזענד *) — ששים רבוא! — וואוטס ניט בעקומען, וויא מען האָט אין אלע אונזער צייטונגען אין אָנהויב בעריכטעט. א גוזמא און א שטיקעלע בלאָף, וואו דאָס בעט זיך, איז דאָ אין אמעריקא, וויא עס ווייזט אוים, פּונקט אזוי אונפערמיידליך, וויא דער איינרעדען, איבערטרייבען און אָפּדינגען אין ליטווישע קראָמען. אזוי זיינען מיר שוין דאָ געבויט.

עס איז אויך וואהר, אז מיר האָבען דערווייל דעם מאָל אויך נאָך קיינעם ניט ערוועהלט צום נאציאָנאלען פּארלאמענט, דעם קאָנגרעס אין וואשינגטאָן, הגם מיר האָבען יא ערוועהלט צוויי אסעמבלי מען אין איללינאָי און פינף אסעמבלי מען און א סענאטאָר אין וויסקאָנסין, ד. ה. אכט סאָציאליסטען אין דיא לאָקאלע פּארלאמענטען פון צוויי וויכטיגע שטאאטען, ווערענד דעם איינעם אין מאסאטשוסעטס האָבען מיר פערלאָהרען.

דער זיעג איז פון דעסטוועגען א גרויסער און כמעט נאָך גרעסער וויא מען האָט געקענט ערווארטען צוליעב דיא פאָלגענדע גרינדע:

ערשטענס, ווייל עס זיינען דעם 8טען נאָוועמבער אָבגעגעבען געוואָרען ניט פיעל ווייניגער וויא א האלבע מיליאָן סאָציאליסטישע שטימען. אזוי פיעל וועט וואהרשיינליך זיין דער סך־הכל ווען מיר וועלען צוצעהלען דעליאַנ'ס עטליכע צעהנדליג טויזענד וואוטס (איבער דער גאנצער מדינה). וויא עס וועט שפּעטער ערקלערט ווערען, איז א האלבע מיליאָן שטימען א פיעל בעדייטענדער צאָהל וויא מען קען מיינען בעטראכטענדיג דעם עסק אויבערפלעכליך, פּעריגלייכענדיג למשל אונזער וואהל־רעזולטאט מיט וואָס אונזערע גענאָסען האָבען ערל ייכט אין אנדערע מדינות.

צווייטענס, איז דיעזע האלבע מיליאָן שטימען פערשפּרייט איבער דעם גאנצען שטח פון דער מדינה, כמעט איבער אללע שטאאטען און טעררי טאָריען. דערבּי און העכער דיא האָבען געקראָגען שטימען אין פיעלע אזעלכע ערטער וואו עס איז גאָר קיין סאָציאליסטישע אָרגאניזאציאָנען ניטאָ און קיין מאָל ניט געוועזען.

דריטענס, האָט דער סאָציאליזמוס אזוי וויא מיט שטורם גענומען דיא צוויי גרויסע שטאאטען פונ'ם „מידדעל־וועסט“ — איללינאָי און וויסקאָנסין. אויב דער לעצטער בעריכט איז ניט איבערטריעבען, זיינען דאָרטען אליין געפאלען

*) מיר וועלען דאן געבען אן אויספיהרליכען ארטיקעל איבער דיא לעצטע עלעקשענס אין אלגעמיינען און איבער דעם סאָציאליסטישען וואוט בעזאָנדערס. — דיא רעדאקציאָן.

נאָהענט פון אַ דריט־חלק פון אונזער גאנצען וואוט: איבער הונדערט פערציג טויזענד שטימען. ווען מען בעטראכט דעם סך־הכל פון אלע וואוטס אין יענע צוויי שטאאטען, זעהט מען אז דער ערפאָלג פון דעם 8טען נאָוועמבער האָט זיי בעטייטען איבער אכט פּראָצענט שטימען פאר'ן סאָציאליזמוס אין איללינאָי און אן ערך פון 10 פּראָצענט אין וויסקאָנסין. מען זעהט, פּראָסטער גערעט, אז אין איין שטאאט זיינען פון יעדע הונדערט וואוטערס געווען אכט און אין דעם אנדערן צעהן סאָציאליסטישע.

פיערטענס האָט דער ערפאָלג אונזערער שוין דערמיט אליין א גרויסען ווערטה וואָס די גאנצע אמעריקאנישע פּרעסע האָט מיט א מאָל גענומען רעדען וועגען אונז. אין די גוטע אלטע צייטען פלעגען מיר, זעהענדיג וויא די צייטונגען ווילען פון אונז ניט וויסען, זיך טרויסען דערמיט, וואָס מען האָט זיך פערשוואָרען וועגען אונז ניט צו רעדען, מחמת מען וויל אונז א שטייגער, ניט אדווערטייזען. דאָס איז קיין מאָל ניט געוועזען וואהר, ווייל אומעטום וואו מיר האָבען זאָגאר פריהער געהאט א שטיקעלע ערפאָלג האָט מען פון אונז גערעדט. די היגע צייטונגען זיינען פריהער פאר אלעם ביזנעס־אונטערנעהמונגען און זיי ווע‏לען בעשרייבען אלץ אין דער וועלט כל־זמן זיי רעכענען אז דער עולם איז אין דעם אינטערעסירט. צו איהר זייט א גרויסער ערפינדער אָדער א גרויסער ליודאָיעד, אָדער א גרויסער העלד, — טהוט נור עטוואָס אויף עפּעס אזוינס וואָס זאָל מאכען נייגעריג דעם עולם, און די פּרעסע וועט פון אייך...... מאכען פּעניעס.

צוליעב דיעזע און אנדערע, ווייניגער וויכטיגע גרינדע איז דער ערפאָלג אונזערער א מערקווירדיגער.

---

און דאָ איז פיליכט טאקי דער אָרט ווידער א מאָל דארויף אויפמערקזאם צו מאכען, אז א וואוט פאר דעבס און הענפאָרד איז נאָך וויכטיגער וויא א סאָציאליסטישע שטימע ערגיץ וואו אין אייראָפּא. „וויכטיגער" הייסט דאָ, פערשטעהט זיך, אז עס האָט מעהר ג ע וו י כ ט, און דער גרונד דערפון איז איינפאך דיזער:

ווער עס שטימט אין דייטשלאנד, למשל, פאר בעבלען אָדער פאר זינגער'ן קען א מאָל דאָס טאָן הויפּטזעכליך דערפאר, ווייל ער וויל דאָס, ווייל ער קלערט אז בעבעל קען אין רייכסטאג דורכפיהרן עפּעס א געזעץ, פון וועלכען דער ארבייטער קען גלייך, היינט, שוין האָבען א נוץ, אָדער אז ער קען העלפען ניט דורכלאָזען א געזעץ וואָס קען איהם, דעם ארבייטער, שאָדען טאָן. בקצור ווען ער שטימט פאר א בעבעל אָדער א זינגער קען ער דאָס טאָן איינפאך אלס ארבייטער אפילו ווען ער איז גאָר קיין סאָציאליסט ניט. געוויס, דער דייטשער וואוט קען זיין א פּרינציפּיעלער און די 50 טעגליכע און פיעלע אנדערע צייטונגען אין דייטשלאנד, זשורנאלען און פאך־בלעטער קלעהרען אויף די וועהלער אזוי ווייט ווי מעגליך. ארום דעם איז ניטאָ וואָס צו ריידען. דאָ אָבער, ווען אימיצער געהט און שטימט פאר דעבס'ן אלס קאנדידאט פאר פּרעזידענט, טהוט ער דאָס מחמת ער וויל האָבען דעם סאָציאליזמוס פערווירקליכט (במהרה בימינו). דאָס וואָס שפּעטער, אין 1908 אָדער אין 1912, וועט זיין, ווייסען מיר ניט, היינט יעדענפאלס זיינען געוויס ניט געוועזען קיין דריי וועהלער צווישען די האלבע מיליאָן, וועלכע האָבען געשטימט גלויבענדיג, אז דעבס און הענפאָרד קענען דעם קומענדען מערץ זיך דארפען קרויש־קענען קיין וואשינגטאָן. דער וואוט איז דאָ, אלזאָ א ריין פּ ר י נ צ י פּ ע ל ע ר און דארום האָט א פיעל גרעסערן ווערטה וויא אין אייראָפּא.

דער וואוט אין דעם אידישען קווארטאל פון ניו יאָרק איז זעהר א בעפרידיגענדער. אויסלאָזענדיג די הארלעם דיסטריקטען און די בראָנקס, וואו די אידישע בעפעלקערונג וואקסט פון יאָהר צו יאָהר, געפינען מיר, אז אין די דיסטריקטען וואו די וואוטערס זיינען גרעסטענטהיילס אָדער אין גאנצען אידישע איז דער רעזולטאט פאָלגענדער:

| אס. דיסטריקט | .1904 | .1903 |
|---|---|---|
| 4 עטר | 1143 | 882 |
| " 8 | 764 | 622 |
| " 10 | 942 | 748 |
| " 12 | 889 | 589 |
| " 16 | 870 | 557 |
| בסך הכל | 4608 | געגען 3398 |

פאר דעבס און הענפאָרד; פאר די אסעמבלי קאנדידאטען שטעלט זיך דער וואוט נאָך פיעל פיעל בעסער, אָבער מיר צעהלען נור דעבס'עס וואוט.

וויא מען זעהט איז די שטימענצאָהל געוואקסען זעהר בעדייטענד: עס זיינען צוגעקומען 1210 שטימען אין איין יאָהר. און אויב מיר זאָלען פערגלייכען דעבס'עס היי־יאָהריגען וואוט מיט דעם מעיאָר־וואוט (ניט, וויא אויבען, מיט דעם וואוט פון מעטשעט—פאר ריכטער) וועלכער איז געווען אין יענע דיסטריקטען (3222) דאן וועט דער צוואוואוקס זיין 1386 אָנשטאָט 1210 שטימען.

בקיצור, עס טאָגט, אפילו ביי אונז!

מ. ווינטשעווסקי.

# סודות פון נאטור

## געאגעניא דיא ענטשטעהונג פון דער ערד.

מיר האָבען אין פאָריגען ארטיקעל געזעהען, אז דיא ערד, גראדע אזוי וויא דיא איבריגע פלאנעטען און קאָמעטען, איז איין אָפּגעריסענע שטיק פון די דאמפף אָדער גאז מאסע פון וועלכע דיא זון גופא האָט זיך געבילדעט.

דיא זון איז נאָך עד היום א גליהענדער אָדער, ריכטיגער, א קאָכענדער קוגעל. איהר העלער גליהען בעזיצט א געוואלדיגע, אונערמעסליכע היץ. אז עס איז אונמעגליך זיך גאָר פאָרצושטעלען: דיא יעצטיגע היץ איז אָבער פיעל שוואכער, וויא זיא איז געוועזן מיט מיליאָנען און ביליאָנען יאָהרען צוריק. דורך דיא אויסשטראהלונג אין וועלט־רוים קיהלט זיך דיא זון ביסלעכווייז אָפּ, און זיא וואָלט אין גאנצען געוואָרען אן אָבגעקיהלטער קערפּער אזוי וויא דיא ערד, ווען דאָ וואָלט זיך ניט אריינגעמישט אן אנדערע קראפט, וועלכע ערזעצט טהיילווייז דעם פערלוסט.

דורך אָפּקיהלונג, ווייסען מיר, ציהט זיך יעדער קערפּער צוזאמען. עס ווערט געדיכטער. אָט דיא פערקלענערונג און פערדיכטונג פון די זונען־מאסע בעשאפט נייע וואָרימקייט אויף צווייערליי אופנים: ערשטענס, ענטשטעהט וואָרימקייט דורך דעם צוזאמענדריקען פון דיא גליהענדע מאסע גאז אין א צושטאנד פון פליסיגקייט, דורך וואָס דיא וואָרימקייט, וועלכע האָט זיך געפונען אין די מאסע ווערט פריי (מען רופט עס בלשון פיזיק „לאטענטע“ אָדער „געבונדע“ ווערמע); צווייטענס ענטשטעהט וואָרימקייט דורך דעם צוזאמענרוקען זיך אָדער דורך דעם, וואָס דיא גאנצע מאסע מאָלעקולען פאלען צום צענטער פון דעם קוגעל. אָט דער פאלען צום צענטער געהט פאָר אין דער זעלבען מאָס, וויא דיא היץ, וועלכע האָט פריהער געהאלטען דיא מאָלעקולען פון ווייטען, איז דורך אויסשטראהלונג שוואכער געוואָרען, מיט אנדער ווערטער, דער זונען־קוגעל ווערט קלענער. עס געהט אלזאָ פאָר א בעוועגונג אין דער גאנצער מאסע, עס הויבט זיך אָן א קאמפּף אונטער דיא מאָלעקולען. דיא, וועלכע האָבען שוין פערנומען דעם פלאץ פון צענטער ווילען ניט צולאָזען קיינע נייע קאָנקורענטען; דיא נייגעקומענע ווילען אָבער פאָרט זיך פארשאפען א פלאץ ביים צענטער. זיי דריקען זיך איינע געגען די אנדערע און דער רעזולטאט פון דעם דרוק איז דיא ענטשטעהונג פון וואָרימקייט. דיא זון פערליערט אָבער מעהר וואָרימקייט דורך אויסשטראהלונג, וויא זיא קריגט צו דורך דעם קאמפּף, דאָס הייסט אלזאָ, אז דיא זוהן ווערט אלץ מעהר און מעהר אָפּגעקיהלט און ווערט קלענער אין אומפאנג, זאָ דאָס עס מוז קומען א צייט, ווען זיא וועט אין גאנצען קאלט ווערען און וועט אויפהערען צו לייכטען. ווען דאָס וועט פאסירען, פערשטעהט זיך, אז אונזער אָרימע ערדעלע וועט זיך אין גאנצען בעדעקען מיט אייז און יעדער אָרגאנישער לעבען וועט פערניכטעט ווערען און אפילו זיין „ליבער נאָמען“ אליין וועט ניט אים שטאנדע זיין אונז צו ראטעווען, סיידען ער וועט מאכען איין עקסטענשיאָן אין גן־עדן און אלעמען דאָרט ארייננעהמען.

נאָר שרעקט זיך ניט, ליעבער לעזער, מיר מיט אונזערע קינדרס קינדער און נאָך הונדערטע טויזענדע דורות זיינען נאָך געזיכערט צו האָבען פלאץ דאָ, אויף דער ערד, דען די זון האָט אזא אונגעהייערע מאסע פון היץ, אז עס וועט נעהמען מיליאָנען יאָהרען איידער זיא וועט קאלט ווערען.

אז דער פּראָצעס פון אָפּקיהלונג איז ווירקליך אָנגעגאנגען אין דער זון, קען אונז אלס בעסטער בעוויז דיענען אונזער אייגענע ערד. אויף דיא ערד, וועלכע איז ניט מעהר וויא א ברעקעלע פון דיא זון, איז א מאָל געוועזן אין א גליהענדען צושטאנד. אזוי וויא דיא זון איז איצט און אין פערלויף פון מיליאָנען יאָהרען האָט זי זיך אָפּגעקיהלט. אז דאָס איז אזוי געוועזן בעווייזען אונז פאָלגענדע פאקטען:

ערשטענס, דיא געאָלאָגיע האָט מיט בע־

שטימטהייט אויסגעפונען, אַז אינוועניג אין דער ערד איז נאָך עד היום פאַרהאַנדען אַ גליהענדע מאַסע. אין דעם צווייפעלט קיינער ניט מעהר, דען וואָס טיעפער מען לאָזט זיך אַרונטער אין דער ערד, איז דאָרט אַלץ וואַרימער.

צווייטענס, פון פיעלע ערטער אויף דער ערד פליסען אַרויס זעהר אָפט (און פון אַנדערע פליסען אימער) גליהענדע, צושמאָלצענע מאַסע קאָכענדע וואַסער, דאַמפף און הייסע גאַז; דאָס נאַטירליך, קען נאָר זיין דער רעזולטאַט פון אַ געוואַלדיגע היץ, וועלכע עקזיסטירט אין דער ערד. פון דער ערד זיינען אויך אַרויסגעפלאָסען אונגעהויערע מאַסען לאַווע, פון וועלכע עס האָבען זיך געבילדעט וואולקאַנישע בערג.

דריטענס, דיא וואַרמע פון דער ערד איז ניט קיין אָבערפלעכליכע ערשיינונג, נאָר זיא מוז גרייכען ביז צום מיטעלפונקט; דען ווען מיר דערגרייכען דיא טיעפקייט פון 20 ביז 30 מעטער, איז דיא טעמפעראַטור גלייך איבעראַל דעם גאַנצען יאָהר. דאָס בעווייזט, אַז אומעטום אין דער ערד איז פאַרהאַלטען אַ וואַרימקייט-מאַגאַזין.

פיערטענס, דער פאַקט, אַז וואָס טיעפער מען לאָזט זיך אַרונטער אין דער ערד, אַלץ הייסער ווערט עס, בעווייזט, אַז דיא ערד האָט אינוועניג אַ רעזערוואָאַר פון וואַרימקייט און זיא קיהלט זיך ביסלעכווייז אָפּ, דען זאָגסט האָט דאָך געדאַרפט זיין גראַדע פערקעהרט, דאָס הייסט, וואָס טיעפער אין דער ערד, איז מען אַלץ ווייטער פון דיא זון און עס דאַרף זיין קעלטער. ווען דאָס איז ניט דער פאַל, הייסט עס, אַז דיא וואַרימקייט קומט פון אונטען.

אויסער דעם, דיא וואַסער פון דיא טייכען און אָקעאַנען וואָלט איינגעזויגען געוואָרען פון דיא ערד, ווען אונטען וואָלט ניט געהערשט אַ געוואַלדיגע היץ.

דיא געאָלאָגישע אונטערזוכונג פון בערג און זייערע פערגלייכונג מיט דיא שטיינער, וועלכע ווערען אַרויסגעוואָרפען פון דיא איצטיגע וואולקאַנען, בעווייזען אונז, אַז דאָס רוב בערג זיינען דער רעזולטאַט פון וואולקאַנישע אַרבייט. זיי בעווייזען אויך, אַז פריהער זיינען דיא וואולקאַנישע אויסברוכען געווען אַן אַלגעמיינע און זעהר אָפטע ערשיינונג.

אַז דיא ערד האָט זיך אין לויף פון דער צייט אָפּגעקיהלט, בעווייזען אונז אויך פאָלגענדע פאַקטען:

דורך אויסגראָבונג אין דיא קעלטעסטע ערטער פון סיביריען האָט מען געפונען סקעלעטען פון מינים חיות, וועלכע האָבען נאָר געקענט לעבען אין דיא הייסעסטע געגענדען, ד. ה. אַלזאָ, אַז אין דיא ערטער, וואו עס הערשט איצט איין אייביגער ווינטער, איז מיט מיליאָנען יאָהרען צוריק געווען אַזוי הייס, וויא איצט אונטער דעם עקוואַטאָר. דאָס זעלבע בעשטעטיגט אויך דיא בילדונג פון שטיינקוילען.

עס איז אַלזאָ גאָר קיין ספק ניט, אַז דיא ערד איז אַ מאָל געווען אין אַ גליהענדען צושטאַנד, אַזוי וויא דיא זון איז נאָך איצט. נאָר דורך אויסשטראַהלונג האָבען זיך די אויבערסטע שיכטען ביסלעכווייז אָפּגעקיהלט. דורך אָפּקיהלונג זיינען זיי געוואָרען געדיכטער און שווערער, זאָ דאָס זיי האָבען זיך מעהר צוגעצויגען צום צענטער און דורך דעם האָט זיך דיא שווערקראַפט אַראָפּגעלאָזען ניעדעריגער. דיא גאַזמאַסע, וועלכע איז געווען שטאַרק ערהיצט און פאָלגליך לייכטער, האָט אָפּגעטרעטען דיא שווערע מאַסע איהר פּלאַץ און איז אַליין אַרויף גאָר אויבען. אַזוי איז ענטשטאַנען אַ שטענדיגע צירקולאַציאָן פון אונטען נאָך אויבען ביז דער דאַמפף האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו פערוואַנדלען אין פליסיגקייט.

אַזאַ מין בעוועגונג, נאָר אין איין אומגעקערטע פאָרמע, קען מען זעהן, ווען מען שטעלט אַרויף אויף אַ פייער אַ טעפּיל מיט קאַלטע וואַסער. ווען דיא אונטערע שיכטען פון וואַסער הייבען זיך אָן אָנצו-וואַרעמען און ווערען לייכטער, הייבען זיי זיך אַרויף נאָך אויבען, וועהרענד דיא אויבערע שיכטען, וועלכע זיינען קאַלט און שווערער, לאָזען זיך אַרונטער. אַזוי ענטשטעהט אַ בעוועגונג, אַ צירקולאַציאָן פון אונטען נאָך אויבען

בעפאָר אָבער דער דאַמפף האָט זיך נאָך פערוואַנדעלט אין אַ פליסיגקייט, האָט דיא שטענדיגע צירקולאַציאָן פון אויבען נאָך אונטען אויף אַזוי פיעל אָבגעקיהלט דיא גאַנצע מאַסע, אַז פון אויבען האָט דיא מאַסע זיך אָנגעהויבען אַריבערצוציהען מיט אַ פּערדעק, מיט אַ מין שאָלעכץ, וועלכע איז בעשטאַנען דאָס רוב פון דיא לייכטערע מינעראַלען וויא סיליציום, אַלומיניום און דרג. אָט פון דעם מין שאָלעכץ האָט זיך ביסלעכווייז געבילדעט דיא קאָרע, מיט וועלכע דיא גאַנצע ערד האָט זיך שפּעטער בעדעקט. דיא אָפּקיהלונג איז אויף אַזאַ אופן אָנגעגאַנגען פאָרווערטס ביז עס האָט זיך געבילדעט אַ דיקע קאָרע, דורך וועלכע דיא איננערע היץ האָט אויפגעהערט דורכצודרינגען אויף דיא אויבערפלעכע, און דיא איינציגע קוועלע פון וואַרימקייט פיר דיא ערד איז געבליעבען דיא זון. דורך אָפּקיהלונג האָט זיך דיא ערד צוזאַמענגעצויגען און האָט אָנגענומען דעם אומפאַנג וואָס זיא בעזיצט יעצט.

מיט דער צייט האָט דיא ערד אינצעהליגע מאָל געביטען איהר פּנים: דאָרט, וואו אַ מאָל איז געווען יבשה, זיינען איצט אָקעאַנען, און וואו עס רוישען איצט דיא וועללען פון ים,

זיינען א מאָל געווען פעלדער און וועלדער; געבירגע ערהויבען זיך דאָרט, וואו א מאָל זיינען געווען טאָלען, און אומגעקעהרט. דיא ענדערונגען זיינען דאָס רוב פעראורזאכט געוואָרען דורך דעם איינפלוס פון וואסער און דורך דיא ערופּציאָן (אויסבריכע) פון וואולקאנען.

אויף דיא פראגע, וויא אלט דיא וועלט איז, קען מען מיט בעשטימטהייט ניט ענטפערן. פערשיעדענע געלעהרטע האָבען געזוכט אויסצורעכנען, וויא פיעל צייט עס איז נויטיג געווען, אז דיא ערד, וועלכע איז געווען א גליהענדע גאזמאסע, זאָל זיך אָפּקיהלען. דער בעריהמטער נאטורפאָרשער בישאָף האָט אויסגערעכענט, אז עס איז נויטיג געווען 350 מיליאָנען יאָהרען. אנדערע רעכענען, אז דיא ערד איז נאָך א גרעסערע זקנה. נאָר אלע שטימען איין, אז זיא ציילט איבער הונדערט מיליאָן יאָהרען. איהר זעהט אלזאָ, אז עס האָט געדויערט אביסעל מעהר יאָהרען, וויא עס שטעהט אין חומש.

„זאָגט אונז אָבער, הערען מיר טענות פון מענשען, ווער האָט בעשאפען דאָס *ערשטע* לעבעדיגע וועזען? איהר זייט דאָך אזעלכע חכמים, אז איהר האָט אויסגערעכענט, פון וועלכע עלעמענטען דער מענש און אלע איבריגע לעבעדיגע בעשעפעניסע זיינען צוזאמענגעזעצט, טאָ פּרובירט מאכען אין אייערע כעמישע לאבאָראטאָריעס כאָטש *אירגענד וועלכע* לעבעדיגע זאך"!

אמת, עס איז ביז איצט נאָך קיינעם ניט געלונגען הערצושטעלען קינסטליך א לעבעדיגען וועזען, דאָס בעווייזט, אָבער בשום אופן ניט, אז אלע אָרגאנישע וועזען האָבען זיך *ניט ענטוויקעלט* אויף איין איינפאכען, נאטירליכען וועג.

עס איז ניט גענוג צו וויסען, פון וועלכע עלעמענטען א לעבעדיגער וועזען איז צוזאמענגעשטעלט און אין וועלכע פּראָפּאָרציע דיא עלעמענטען זיינען פערבונדען. עס זיינען פאראנדען הונדערטע און אפשר טויזענדע זייטיגע פערהעלטניסע און אומשטענדען, וועלכע האָבען געווירקט און ווירקען ביי דיא ענטשטעהונג פון אָרגאנישען לעבען, וואָס מען קען נאָך ניט נאָכמאכען אין לאבאָראטאָריעס. אויסער דעם מיינט ניט, אז דאָס איז געשעהן אין א טאָג אָדער צוויי עס זיינען אפשר פאָראיבער הונדערטע טויזענדע יאָהרען, ביז דאָס איינפאכסטע אָרגאנישע וועזען איז בעשאפען געוואָרען, און איהר ערוואַרטעט, אז א געלעהרטער זאָל אין א פּאָר וואָכען אָדער מאָנאטע אויספיהרען אזא מין ארבייט, שוין ניט ריידענדיג מכוח דעם, אז אום מיט ערפאָלג אויסצופיהרען דאָס, וואָס דיא נאטור האָט געמאכט, וואָלטען מיר מוזען יעצט אויף דיא נאטור גופא אזוי ענדערן, אז זיא זאָל אָננעהמען דיא פאָרמע, דיא צושטענדע, וועלכע זיא האָט געהאט בשעת דיא ערשטע אָרגאניזמען האָבען זיך ענטוויקעלט—א חוץ דעם, ווער קען בעווייזען, אז נאָך יעצט ווערען ניט בעשאפען אָרגאנישע וועזען?

קודם כל איז דיא ענטשטעהונג פון דיא אָרגאניזמען אָפּהענגיג פון געוויסע טעמפּעראטור צושטענדע. מיר ווייסען, אז חיות און פלאנצען זיינען צוזאמענגעזעצט פון שטאָפּפערבינדונגען, וועלכע קענען ענטשטעהען נור אונטער אגעוויסע טעמפּעראטור. זייערע בעשטאנד טהיילע זיינען דיא זעלבע, וועלכע געפינען זיך אין דער ערד, נעמליך: קוילענשטאָף, זויערשטאָף, וואסערשטאָף, שטיקשטאָף, קאלסיום, סיליציום, אייזען, פאָספאָר און ז. וו. וויא איהר זעהט, האָבען דיא אָרגאנישע וועזען א נאטירליכען, פיזיקאלישען גרונד. דיא מאטעריע, וויא בעוואוסט, האָט אין זיך קרעפטע; ווען דיא קרעפטע ווירקען איינע אויף דיא אנדערע, קומען ארויס פון זייער געגענזייטיגע ווירקונג נייע ערשיינונגען. ווען מיר רייבען צוויי זאכען איינע אָן דיא אנדערע, בעקומען מיר וואַרימקייט, ווען דיא זעלבע רייבונג זאָל אָנגעהן אין א מאגנעטאָ־עלעקטרישע מאשין, וועלען מיר האָבען עלעקטריציטעט, מאגנעטיזם. ווען דיא מאָלעקולען פון זויערשטאָף און וואסער־שטאָף זיינען אין שטאנדע אין פאָרם פון שניי און אייז אויסצומאָלען ווינטער אויף דיא פענסטערן דיא שעהנסטע מוסטערן פון בלומען און שטערן, וואָרום זאָל דער קוילענשטאָף ניט בעזיצען דיא פעהיגקייט צו יעדער צייט ביי פאסענדע צושטענדע און פערהעלטניסע ארויסצורופען אָרגאנישע פערבינדונגען, דורך וואָס עס ענטשטעהט לעבען. מען קען כמעט מיט בעשטימטהייט זאָגען, אז נאָך איצט האלט זיך אין בילדען אין דעם מיקראָקאָסמאָס (דיא קליינוועלט, וואו מען קען נאָר זעהן מיט דעם גרעסטען מיקראָסקאָפּ) דער אָנהויב פון אָרגאנישען לעבען, וועלכע זיינען *לעבעדיגע* מאלעקולען און וועלכע דער בעריהמטער נאטורפאָרשער העקעל האָט אָנגערופען „דיא מאָנערען". דאָס זיינען קליינציגע שטיקלאך אייוויסעל אָהנע אָרגאנען. אָט דיא שטיקלאך *פּראָטאָפּלאזמא* זיינען ניט פלאנצען און ניט חיה, נאָר בעזיצען דאָך עמפּפינדונג.

קוים קומען מיר צום שלום, אז לעבעדיגע וועזען, מעגען זיי זיין אויף דיא ניעדעריגסטע שטופע פון ענטוויקלונג, ווערען *יא* בעשאפען פון דיא נאטור גופא, דאן ערקלערט זיך שוין אלעס איבריגע גאנץ פּראָסט, איבערהויפּט נאָך דעם עס זיינען ערשיענען דיא געניאלע ווערקע פון דארווין, האָקסלי, העקעל און פיעלע אנדערע.

דארווין האָט אונז איבערצייגט, אז דורך דעם פּראָצעס פון ענטוויקלונג, אין וועלכען דיא הויפּט ראָלע האָבען געשפּיעלט „דער קאמפּף אומס דא זיין", און דער נאַטירליכער אויסוואהל, זיינען ענטשטאנען און האָבען זיך אויסגעבילדעט די אלע פערשידענע מינים חיות און פלאנצען ביז צום מענשען. ער האָט בעוויעזען, אז אונזער משפחה האָט זיך ניט שטארק מיט וואָס איבערצונעהמען אין יחוס, דען אונזערע אבות אבותנו זיינען געווען ניט מעהר און ניט וועניגער וויא אפּען. דער בעריהמטער פיזיאָלאָג און נאַטור פאָרשער האָקסלי אין זיין בעוואוסטען בוך: „דער מענש און זיין פּלאַץ אין דיא נאַטור", פערגלייכט אנאַטאָמיש דעם קערפּער פון אן אפּפּע מיט דעם קערפּער פון א מענשען, און ער קומט צום שלוס, אז עס עקזיסטירט כמעט קיין אונטערשיעד ניט צווישען זיי. ביידע, ד. ה. דער מענש וויא דער אפּפּ, בעזיצען דיא זעלבע 200 ביינער, וועלכע האָבען דיא זעלבע פאָרם און זיינען גלייך צוזאמענגעזעצט; זיי האָבען דיא זעלבע 300 מוסקולען, דיא זעלבע גאנגליען צעלען, וועלכע בילדען דיא געהירען, דיא זעלבע מאָגען, לונגען, געשלעכטסאָרגאנען, בקיצור אלעס איז דאָס זעלבע. דער אונטערשיד איז בלויז אין שטופע פון גייסטיגע ע נ ט וו י ק ל ו נ ג. עס איז נאַטירליך איבריג צו זאָגען, אז דיא ענטוויקלונג האָט געדויערט שיינע עטליכע יאָהר. מאנכע געלעהרטע מיינען אז דאָס האָט גענומען וויייניגסטענס הונדערטע טויזענדע און אפשר גאָר מיליאָנען יאָהרען.

דיא פראגע, וואו, אויף וועלכען אָרט, דער מענש איז צוערשט ערשיענען, פאלט פון זיך אוועק, ווען מיר נעהמען אָן, אז דיא נאַטור אליין בעזיצט דיא קראפט צו ערצייגען לעבעדיגע אָרגאניזמען, זיי האָבען זיך אויף אזא ארט ענטוויקעלט א ו מ ע ט ו ם, וואו נאָר דיא פערהעלטניסע זיינען געווען גינסטיג דערצו.

דאמיט ענדיג איך דיא סעריע ארטיקלען. דער געגענשטאנד איז זעהר א שווערער און וויא איך האָב ניט געזוכט צו שרייבען פּאָפּולער, זיינען ליידער די ארטיקלען דאָך ארויסגעקומען ניט פּאָפּולער גענוג, אז דאָס רוב לעזער זאָלען זיי לייכט קענען פערשטעהן. איך האָב געזוכט זיך צו האלטען שטרענג וויסענשאפטליך אין דער האָפנונג, אז דער יעניגער, וועלער עס אינטערעסירט זיך מיט דער פראגע און וועט אָנשטרענגען א ביסעל זיין מארך, וועט דיא ארטיקלען לייכט פערשטעהן. און וועלער עס האָט זיי פערשטאנען, האָט געווים זיי ניט געלעזען אומזיסט. ער האָט זיך בעקאנט געמאכט מיט דיא מ אָ נ י ס ט י ש ע אנשויאונג איבער דיא ענטוויקלונג פון דער וועלט.

דר. אייזיק אָרטמאַן.

# אויס פיליפּ קראנץ'ס בוך „אמעריקא פאר קאלומבוס"



א קרייז מיט היעראָגליפישע שריפט געפונען אויף א וואנט פון א טעמפּעל ארום דעם פלאץ פאלענקע אין צענטראל-אמעריקא.

## טהעאַטער און לעבען

# דיא „אמת'ע קראַפט" פון יעקב גארדין

עס קאָכט און זידט דאָס לעבען און וואַרפט דעם מענשען ארום; עס וואַרפט איהם ארונטער אין עלענד און דריקט איהם אין לאַנגזאַמען פּיין, עס הויבט איהם הויך אין גליקען, איהם שיינט דיא וועלט איין טאַנץ; ער פיהלט דיא לוסט פון זיעגען און דעם טיעפען שמערץ פון פאַל, ער טהיילט דיא פרייד מיט זיינע ברידער און זיין לייד מיט זיך אליין. און אין זיעגען און פאַלען, אין טאַנצען און ליידען דורכלעבט דער מענש אין זיין זעעלע. דיא האַרטע פאַקטען פון דער אויסענוועלט, ער קאָכט זיי איבער אין זיינע געדאַנקען און זיי ווירדער, קנעטען זיין ווילען און גייסט. פון דיא ערשטע קינדער יאָהרען ביז צום לעצטען טאָג פון ליכט קנעט דאָס לעבען דעם מענשען און דער מענש זויגט דאָס לעבען איין. וויא דאָס שיף אין ווילד ברויזענדען ים זינקט טיעף ארונטער אין דיא וועלען און הויבט זיך ווירדער הויך ארויף, אזוי שווימט דער מענש דורך דאָס לעבען און איז שטענדיג אין קאַמפּף מיט דער אויסענוועלט. ער זוכט זיך אַנצופּאַסען אָן דיא פאָדערונגען פון דיעזער וועלט ארום איהם און זוכט אויסצוקומען מיט דעם שטרעבען אין איהם. און דאָס לעבען קאָכט און דאָס לעבען זידט און וואַרפט איין מענשען אָן דעם אנדערען; עס רייבט אָב דיא שאַרפע עקען פון דיא ווייכערע נאַטור און שאַרפט דיא האַרטע קנאָכען פון ווילענס שטאַרקען מאַן. עס קעמפּפט דער מענש מיט דעם מענשען אום מיין און דיין, אום רעכט און שלעכט; עס קעמפּפען דיא גרויסע נאַטורען ווער מיט דעם שווערד, ווער מיט דעם גייסט; עס מאַרשירען דיא געדיכטע מאַסען מיט טויזענד יעהריגע פאָהנען, מיט דעם גלויבען פון זייערע פאַטערס, מיט דיא זיטען פון זייערע מוטערס.

דאָס קנעט און בייגט דעם מענשען און שפּיגעלט זיך אָפּ אין איהם; זיין זעעלע פיהלט יעדען וועהטאָג און טראָגט מיט יעדען שמערץ. וויא ווייט ער קען און בעגרייפט עס זוכט ער דאָס אַלעס צו פערשטעהן און זוכט א רעכט צו מאַכען ביי זיך פאַר אלעם דעם, ער זוכט זיך צו דערקלערען זיין לעבען, זיין צוועק און ענד, ער זוכט דיא געהיימניסע פון דיא וועלטען און אַן ענטפער אויף אייביגע פראַגען. ער שאַפט זיך געטער צו דערצעהלען לעגענדען פון נייגעשאַפענע וועלטען. דער ווילדער עהרט דעם טיגער און מאַכט א גאָט פון האָלץ, דער ציוויליזירטער שאַפט סיסטעמען און דאָגמען הויכגעלעהרטע, און יעדער זוכט ערלייזונג און פריעדען אין זיין הערץ.

דען דעם מענשען'ס זעעלע אליין איז אויך צוריסען און ניט גאַנץ. עס ווירקען געפיהלען פון הונדערטער דורות פערערבט. עס פליסט אין זיינע אָדערן דאָס בלוט פון ווילדען באַרבאַר, דער פּחד פון ערשראָקענעם ווילדען, דיא גרויזאַמקייט פון אלטע מנהגים; גרויסע ליידענשאַפטען שטורמען פון צייט צו צייט זיין לייב, עס ערוואַכען אין איהם דיא פייער פון דיא אלטע מיסטעריען און טענץ. דער אלטער אדם רייסט זיך און קעמפּפט מיט דעם נייעם מענשען, דער לעבענס לוסטיגער הייד מיט דעם וועלט־שמערץ צוריסענעם איד און קריסט.

וואָס מעהר וויסענד דער מענש איז, וואָס טיעפער זיין בילדונג איז, אַלץ ברייטער איז זיין קוק אין דיא וועלט, אַלץ ווייטער זיין אינטערעס אין דיא פיעלע ערשיינונגען פון מענשען לעבען. ער פיהלט דעם עלענד פון פרעמדען און דיא פערלאָזענקייט פון גר, ער וויינט מיט דעם געפּאַטשטען שקלאַף און פרעהט זיך מיט דעם בעפרייטען העלד. פאַר דעם ענטוויקעלטען מענשען'ס אויגען דרעהט זיך פאַרביי דער פאַרבענרייכער קאַראַהאָד פון לעבען, עס ברויזט דער גרויסער אָרקעסטער פון מיליאָנען מענשענהער־

צער און אין זיין שטילער נשמה שפיעלט א צארטע סטרונקע מיט.

דאס אלעס זוכט דער מענש ביי זיך פאַנאנדערצולייגען, פאנאנדערצוזאָרטירען און וויעדער צוזאמענצופאסען, אזוי אז אלעס זאל זיך אויסגלעטען און פערענטפערען, אז א וועג זאל זיך איהם צייגען וויא צו שטילען אלע וועהטאָגען, צו טרייסטען דיא בעקימערטע, צו דערפרייען דיא אונגליקליכע און צו ערדרייכען דעם פריעדען פון זיך און פון זיין וועלט. און דאָס אלעס איז דער גרויסער פעלד פון דער קונסט און איבערהויפט פון דער דראמא: אונז צו לערנען און העלפען אין גרויסען לעבענס־קאמפף, אונז צייגען, וואס מיר קענען ניט אימער אליין בעמערקען. דאס שפיגעלבילד פון לעבען אויף דער ביהנע. דיא רעדענדע קונסט פון טהעאטער קען אין א קורצער צייט ברייננגען פאר אונזערע אויגען דיא קאָנצענטרירטע מאָמענטען פון לעבענס־פאנאָראמא: דעם מענשען אין זיינע ליידענשאפטען, דעם פערברעכער אין טיעפען פאל, דעם העלד אין דער גרויסער טהאט, דעם לייב אין זיין ערוואכען און דיא ליעבע אין איהר אייביג ערהאבענער מאכט. קיין קינסטלער האָט ניט אזוי פיעל מיטעל צו ווירקען מיט זיין קונסט, וויא דער דראמאטורג, דען זיין קונסט איז א צוזאמענגעשטעלטע. ער קאָנטראָלירט דאס וואָרט, בענוצט בילדער און מוזיק און מעהר וויא אלעס אנדערע, שטעלט ארויף לעבעדיגע מענשען, וועלכע ווירקען מיט זייער קינסטלערישער פערזענליכקייט דירעקט אויף דיא געפיהלען פון דיא צושויער און מאכען זיי צו טהיילנעהמער און מיטשפיעלער פון דעם בילד פון לעבען אויף דער ביהנע. וועמען עס איז פיעל געגעבען, ביי דעם זאל אבער אויך פיעל פערלאנגט ווערען, און פון דעם דראמאטורג פאָדערט מען מעהר קלאָרקייט, מעהר בעשטימטקייט און מעהר קאָנזעקווענץ וויא פון אירגענד וועלכען אנדערן קינסטלער, דעם ראָמאנען־שרייבער אויסגענומען.

עס איז דארום איינע פון דיא פונקציאָנען פון אן עפענטליכען אָרגאן זיך צו בעשעפטיגען מיט דער דראמא און איהר פראקטישע ווירקונג אין טהעאטער. „דיא צוקונפט" ערפילט איינע פון איהרע ערשטע פפליכטען, ווען זיא גיט אָב א טהייל פון איהר לעזעשטאָף צו דער דראמאטישער קונסט. דער שרייבער האָפט צו געבען פון צייט צו צייט ארטיקלען איבער דיא שטיקער, וועלכע ווערען אויפגעפיהרט אויף דער אידישער ביהנע ספעציעל און איבער דער דראמא אים אלגעמיינעם. עס איז זיין וואונש צו בויען א ברייטען בריק פון לעבען צום טהעאטער און, ווי ווייט ער וועט קענען, מיטצוהעלפען צוזאמענצוברייננגען דאס לעבען מיט זיין שפיגעלבילד אין דעם בעוואוסטזיין פון דעם מעהר בעוואוסטען טהייל פון דער אידישער מאסע.

דאס אידישע טהעאטער, וויא עס שטעהט היינט, איז אין גאנצען גענומען, איינע פון דיא פרעהליכסטע ערשיינונגען פון דעם אידישען לעבען אין אמעריקא. מיט אלע איהרע פעהלערן און רוקייט שטעהט דיא דראמאטישע קונסט מיט איהר טיעפען ערנסט אויף דער אידישער ביהנע ניט ניעדריגער פון דעם דורכשניט פון דעם טהעאטער־לעבען פון דער ניו יאָרקער ענגלישער ביהנע, ווען ניט העכער. אָרים וויא זיא איז אין אויספיהרונג, ברויכען מיר זיך ניט צו שעהמען, און וואס עס פעהלט איהר אין שעהנהייט, פערדעקט דערוואייל דאס שטרעבען איבערצוגעבען דאס לעבען צאפלענדיג און גליהענד. מען וועט פערשטעהן, אז דער שרייבער רעדט דאָ ניט פון יענע שונדשטיקער וועלכע, וויא עס שיינט, האָבען זיך זאַגאר אויפגעהערט צו בעצאָהלען, נור פון ערנסטע פערזוכען צו שאפען ווערק פאר דער ביהנע, וועלכע זאלען האָבען א בעדייטונג אין דער ענטוויקלונג פון אונזער דראמא.

דיא אידישע דראמא פערדיענט דערפאר אויפמערקזאמקייט און אינטערעס פון יעדען געבילדעטען מענשען אלס דער בעסטער פראדוקט פון דעם זיך נייע ענטוויקלענדיגען לעבען פון אידישען פאָלק אין אמעריקא.

* * *

„דיא אמת'ע קראפט", א פיעסע אין פיער אקטען פון דעם כהן גדול פון דער אידישער דראמא, איז דיעזען מאָנאט אויפגעפיהרט געוואָרען אין גרענד טהעאטער צום ערשטען מאָל דער נאָמען פון דער שטיק צייגט גלייך, אז מיר דארפען דאָ ערווארטען א ווערק, וואס זוכט ניט נור צו אמוזירען, נור צו לערנען און מיטצוהעלפען און פערשטעהן דיא גרויסע פראגען פון דער וועלט. אזעלכע אויפגאבען מאכען זיך ניט לייכט, און נור אין א רייהע פון פעהלערן קען מען דאָ ערדרייכען א פאָלשטענדיגען ערפאָלג אלס א קונסטווערק. דאָס ערשטע וואס ווארפט זיך אין אויג איז דער אויסהאלטען פון דעם פרינציפּ פון דער „איינהייט פון אָרט". ניט אז א דראמא מוז דוקא נור פאסירען אין איין פּלאַץ, אָבער ווען דאָס לאָזט זיך אויספיהרען אָהן שוויריגקייטען, געווינט דיא סטיליסטישע זייט פון דער פיעסע דערפון גאנץ בעדייטענד. דערפאר ליידעט זעהר שטארק דיא איינטהיילונג פון דער צייט, אין וועלכע דיא האנדלונג שפיעלט זיך אָב, דען וואס צוזאמענגעדרענגטער דיא צייט, אלץ מעהר איינהייט פון כאראקטערען. קענען מיר זעהן. ווען דיא האנדלונג ציהט זיך דורך יאָהרען, זעהען מיר נור בילדער פון אן ערצעהלונג מיט א דראמאטישען שלוס, און א רייהע

פון דראמאטישע מאָמענטען אין דער צייט פון א פּאָר יאָהר זיינען נאָך ווייט קיין דראמא ניט. דיעזער פעהלער טראָגט פיעל דערצו, אז דיא אמת'ע קראפט" מאכט ניט דעם איינדרוק צו זיין געארבייט וויא פון איין שטיק. דאָס איז אָבער ניט דיא איינציגע אורזאכע. דיא פּיעסע איז ניט גלייכמעסיג אין בעארבייטונג; אין איי־ניגע שטעלען איז זיא אויסגעצייכענט, אין אנ־דערע פלאַך און האָלציג.

דער גרונד געדאנקען פון דער „אמת'ער קראפט" איז דער זיעג פון מענשליכען פער־שטאנד און ערציהונג איבער דיא ברוטאלערע אינסטינקטען,—דיא העכערע ערשיינונג פון דער־וואהרער גרויסקייט, וועלכע איז שטארק גענוג איינצוהאלטען דיא חיה אין זיך, און אלעס צו פערגעבען, וויל זיא פערשטעהט אלעס. צו בעהאנדלען דיעזען געדאנקען אין א דראמא איז א גרויסע אונטערנעהמונג. אזוי וויא אזא ווייט פּאָרטגעשריטענע ארט פון דענקען, וועלכע פּאָ־דערט פון מענשען א ברייטע בילדונג און א וועלט־אנשויאונג, איז גאנץ ניי פאר'ן פּובליקום, מוז דער געדאנקען זיין דורכגעפיהרט קלאָר און לאָגיש, דיא פּערזאָנען ניט איבריג און ניט צו־פיעל, וויא אין אן איבסענ'ס א שטיק. „דיא אמת'ע קראפט" האָט ניט אזא בעארבייטונג, און דער גרויסער געדאנקען שמעלצט ניט צו־זאמען דיא איינצעלנע פּערזאָנען צו איין גאנ־צען.

דיא הויפּט פּערזאָן זעלבסט, דער געלערנ־טער דאָקטאָר יעווגעני גאָלדענווייזער, איז ניט גאנץ אויסגעהאלטען. ער, אן אלמן פון פינף און פיערציג יאָהר, פערליעבט זיך אין אן איינ־פאכע, גראָבע „מויד" מיט דעם געזונדען קער־פּער און אינסטינקטען פון א „פּויערטע". ער האָפט נאטירליך איהר צו ערציהען און אויס־בילדען, זיא, וועלכע איז נאָך פריי פון דיא ליידען פון דער ציוויליזאציע. פאר אן אידישען דאָקטאָר פון גאָלדענווייזער'ס יאָהרען איז אזא אויפפאסונג א ביסעל צו נאאיוו און קלינגט אונוואהרשיינליך. אין דעם גאנצען ערשטען אקט, וואו ער ערקלעהרט פעניע'ן זיין ליעבע, נעהט דער דאָקטאָר ארום וויא אן איבערגעוואק־סענער קינד. דער גאנצער ערשטער אקט איז אזוי וויא א צוגעבויטע קאמער. עס פעהלט אין איהם לעבען און וואהרהאפטיגקייט. דער טרע־גער פון דער „אמת'ער קראפט" האָט אונז גאנץ ווייניג וואס צו זאָגען, וואָס פּאסט זיך פיר אזא גייסטיגע פּערזאָן.

דערפאר טראָגט דער צווייטער אקט שוין גאָר אן אנדער פּנים. אין איהם הערען זיך שוין אנדערע מעלאָדיעס און טיעפע טענער פון עלע־מענטארע ליידענשאפטען אָרקעסטרירען איהם. דיא דראמאטישע בעהאנדלונג פון דיא ליידענ־שאפטען און נאטורשטרעבען פון דעם מענשען איז אימער געוועזן איינע פון דיא שטארקסטע זייטען פון יעקב גאָרדין'ס שאפען. דער גאנצער קינסטלערישער ווערטה פון דער פּיעסע ליגט אין צווייטען אקט. גלייך אין אָנפאנג זעהען מיר דיא יונגע פרוי פון דעם דאָקטאָר טרויעריג און איינזאם, וויל זיא איז ניט אין איהר עלע־מענט. א יונגע און געזונדע פרוי אָהן גייסטיגע אינטערעסען, דארף זיא פיזיש לעבען, טאנצען און לאכען, דעם געלעכטער פון א געזאלצענעם ווערטיל, דיא אויפרעגונג פון א קערטל. שטאַט דעם האָט זיא צו טהאָן מיט עלטערע מענשען, מיט ביכער און געלערנטע רייד. עס איז ווירקליך אומעטיג און עס איז איהר ניט צו פערדענקען. ווען דיא מוטער וואָלט זיך נאָך אין איהר אויפ־געוועקט און איהר פארנומען מיט דעם נייעם פיזיאָלאָגישען און גייסטיגען לעבען, וועלכע דיא מוטערשאפט בריינגט מיט זיך, וואָלט עס גע־קענט בעשעפטיגען איהר צייט און געדאנקען. וואָס איז דער וואונדער, אז זיא הערט זיך צו דיא רייד פון דעם פראנטעוואטען ברודער פון דאָקטאָר? זיא פערשטעהט בעסער וואָס ער זאָגט און אויך וואָס ער וויל. איהם אינטערע־סירט דיא שעהנע פרוי, און זיא, דיא געזונדע סאמקע דארף זיין בעוואונדערונג און קאָמפּלי־מענטען. דארף מען נאָך פרעגען וואָס דאָס ענדע וועט זיין?

דאָקטאָר גאָלדענווייזער, דערצעהלט אונז דער פערפאסער, איז א ראדיקאל דענקענדער מענש און אויף א וואונק פון דער פּאָליטישער פּאָליציי פערליערט ער זיין שטעלע אין האָספּיטאל. דעם דאָקטאָר'ס שמערץ איבער דיא ארבייט, וועלכע ער האָט ליעב געקראָגען זייט לאנגע יאָהרען, צוזאמען מיט זיין פרוי'ס פער־דרוס איבער דעם פערלאָרענעם געהאלט, גיט א געלעגענהייט פאר א פּרעכטיגע סצענע, ציי־גענדיג דעם קאָנטראסט פון דיא כאראקטערע פון מאן און ווייב. דער לעצטערער טהייל פון דיעזען אקט האָט זיך אויסגעגאָסען פון א מזל'־דיגער האנד און איז איינע פון דיא פּראכט־פּאָלסטע סצענען אויף דער ביהנע, אין דיא ראָלע פון פעניען. עס איז שפּעט ביי נאכט און דער דאָקטאָר שטודירט ביי זיך אין קאמער. פעני'ן אָבער שלאָפט זיך ניט, און זיא קומט צום דאָקטאָר און וויל מיט איהם פערבריינגען, ער אָבער, ביז צו לעכערליכקייט איבערטריבע־נער קורצזיכטיגקייט, רעדט צו איהר פון וויסענ־שאפט און מעדיצין, פון קראָליקעס און דער־שלאָגט זיך ענדליך איהר פּארצולעזען טורגע־ניעוו'ס א ראָמאן. אין איהר אָבער קאָכט דיא בלוט פון איהר יוגענד, און א הייסע כוואליע געהט אויס פון איהר גליהענד אין ליידענשאפט און לוסט נאָך לעבען. זיא רייצט איהם און לאכט

פון איהם, רייצט איהם ביז ער קאָכט אויף און דערשרעקט איהר דורך זיין פיזישע קראַפט. מיט אלל איהר אבשטויסענדען געמיינעם זין פון דענקען, מיט אלל איהר ליעבלאָזיגקייט צו דער וועלט און צו דיא מענשען מוזען מיר דאָך מיטפיהלען אין יענער מינוט מיט איהר; מיט־פיהלען וויא מען קען מיטפיהלען מיט א ווילדען טיגער, ווען ער רייסט זיך פון שטייג. אזוי קעמפפט דיא חיה פיר איהר פרייהייט און דער מענש פיר זיין גליק. אין יענעם מאָמענט הויבט זיך אָן צו צווייפלען, וואו איז דיא גרעסערע מאכט: אין דער חיה אָדער אין דעם מענשען.

און זיא געהט זיך איהר וועג ביז דיא קאַ־טאסטראָפע פאסירט, און דער דאָקטאָר מוז זיך איבערצייגען פון דעם בענעהמען פון זיין פעני'ן, דאָ ערשט הויבט זיך אָן צו צייגען דיא אמת'ע קראַפט. דען ביז אהער איז דער דאָקטאָר נור געווען א גוטער מענש, דאָ ווערט ער א פילאָזאָף. עס קאָכט אין איהם דאָס בלוט, אָבער ער בע־הערשט זיך, ניט אויס רחמנות, נור אויס פער־שטאנד. ער ערקלערט איהר, אז ער ווייס אלעס און זיא איז פריי צו גהען, אָבער ער פעריאָגט זיא ניט. זיא מעג בלייבען ווען זיא וויל. דאָ צייגט זיך דיא וואהרע גרויסקייט, און נאָך מעהר צייגט זיך ווען נאָך זיין קינד'ס קראַנקהייט, אז ער גלויבט דאָס קינד איז געראַטעט, פערציי־העט ער איהר, דען זיא איז שוין צו דער צייט געוואָרען אן אנדער מענש.

דער פערפאסער פערדיענט אונזער דאנק פאר דיא בעהאנדלונג פון דיזען פּראָבלעם, אָבער דיא פיעסע האט אויך פערדיענט פון איהר פערפאסער א בעסערע בעהאנדלונג. עס דרעהט זיך דיא גאנצע צייט ארום זיין קינד, צוועקלאָז און נוצלאָז, צו רעטען דיא מאָראל און צו שאפען ביליגע סענטימענטען. א גאנצער פיערטער אקט, וועלכער איז גאניץ גוט געשפיעלט, איז צוגעבויט, פול מיט סענטימענטען, וועלכע זיינען בערעכענט אויף דיא נערווען. צו וואָס דאַרף דאָס קינד שטאַרבען, און פאר וואָס אויף דער ביהנע? דער שרייבער גלויבט, אז אלעס איז אם פּלאַץ אויף דער ביהנע, ווען עס איז א נויטהווענדיגער טהייל פון דער דראַמאַטישער האַנדלונג. סתם פייניגענדע סצענען זיינען אָבער ניט אם פּלאַץ. און צו וואָס איז דער געשלעג פון דיא צווי ברידער? דער העלד פון דער „אמת'ער קראַפט" ברויכט ניט צו שלאָגען זיין ברודער פאר דעם פערפיהרען פון פעניען: דיא ווירקליכע קראַפט שטעהט העכער פון פיזישע בעשטראָפונגען.

פון דיא זייטיגע פערזאָנען וואָלט דער יונגער לעהרער און רעוואָלוציאָנער געווען גוט, ווען ער וואָלט ניט געווען א ביסעל איבערטרי־בען, דאָך איז ער א לעבעדיגער טיפ.

געשפיעלט איז דיא פיעסע געוואָרען גוט, און פון דיא בעדייטענדסטע קרעפטע. קעסלער אלס דאָקטאָר האָט פאַרגעשטעלט א מעכטיגע ערשיינונג, אָבער עס האָט געפעהלט אין איהר דער נאָבעלער גלאַנץ פון א העכערער אינטעלי־גענץ, זאָנסט האָט ער געשפיעלט מיט איבער־צייגונג. קאַליש אלס פעניע איז געווען אויס־געצייכענט גוט, בעזאָנדערס אין צווייטען אקט. און אדלער האָט פון א זייטיגע ראָלע געמאכט אן אונטערהאלטענדע ערשיינונג, ווען אויך אויף דעם אלטען שטייגער.

בעטראַכטענדיג דאָס גאַנצע, האָט גאָרדין געגעבען דער אידישער ביהנע א פיעסע, וועלכע איז ניט נור ווערטה געזעהען צו ווערען, נור וועלכע איז ווערטה ערנסט בעטראַכט און בע־רעדט צו ווערען, ווייל זיא איז אויך איינער פון דיא וועגווייזער, וועלכע דייטען אָן דעם וועג צו א בעסערער וועלט.

מ. לעאָנטיעוו.

וועגען מאַנגעל אין פּלאַץ האָבען מיר גע־מוזט אָפּלייגען גענ. ח. שיטלאָווסקי'ס ארטיקעל „וואָס הייסט געשיכטע?" ביז דעם נעכסטען מאָנאַט. — דיא רעדאַקציאָן.

# נייע ביכער

## „דיא נייע שטימע“

א ראדיקאל־ציוניסטישע צייט שריפט, ארויסגעגעבען פון דיא פּועלי־ציון אין ניו יאָרק.

ערשיינט 4 מאָהל יעהרליך.

האָט אייך שוין א מאָל פּאסירט דאָס אן ערנסטער פריינד זאָל קומען צו אייך פערכאָפּעט און מיט גרויס בעגייסטערונג דערציילען א זאך, וואָס „ניט געשטויגען און ניט געפלויגען“? אויב אייך האָט אזעלכעס פּאסירט, וועט איהר פערשטיין אין וואָס פאר א לאגע איך בין. פון איין זייט ווילט איהר ניט בעליידיגען אייער פריינד, וועלכער איז אזוי ערנסט, און פון דער צווייטער זייט ווילט זיך איהם אויסלאכען „על חלומותיו ועל דבריו“.

דיא ארויסגעבער פון דיא „נייע שטימע“ שיינען צו זיין זעהר ערנסטע, צו זייער אידעע איבערגעגעבענע מענשען, אָבער זייער אידעע איז אזעלכע, און זייער זשורנאל איז אזעלכער, פאר וועלכע מען קען זיי קיינע קאָמפּלימענטען ניט מאכען — ביי'ם בעסטען ווילען ניט.

זיי רופען דעם זשורנאל: „דיא נייע שטימע“. ווען איך וואָלט האָבען א דעה, וואָלט איך דעם זשורנאל געהייסען א נאָמען געבען: „דיא איבערגעניצעוועטע שטיממע“, ווייל דיא שטימע וואָס הערט זיך דאָרט איז גאָר ניט ניי, זיא איז שוין גאנץ אלט, נור מיט דעם לינקען זייט ארויף, איבעגעניצעוועט. און דיא לינקע זייט, זעהט זיך באלד אויף דעם פּאָדער בלעטעל, אויף דעם „שער“, וויא א ציוניסט וואָלט געזאָגט. אויף דיעזען פּאָדער־בלעטעל זעהט איהר אויפגעמאָהלט א יונגען געזונטען ארבייטער, ניט קיין גרויסען חכם, מיט פערקאשערטע ארבעל, מיט א האמער אין דיא רעכטער און א צוואנג אין דער לינקער האנד און ארבייט שווער. און וואָס, מיינט איהר, שמידט דאָס דיזער גרויסער חכם? א מגן דוד! זעהר א וויכטיגע און ניצליכע ארבייט. נו, זאָל ער ארבייטען, דער חכם, אויב ער האָט שוין אויסגעגעבען זיינע קינדער אין פריידען, און האָט מעהר ניט וואָס צו טאָן. מיר ווילען דערווייל געהן ווייטער....

אויף דעם זעלבען פּאָדער־בלעטעל, באלד אונטער דעם קאָפּ, שטעהט אויפגעשריעבען אלס מאָטאָ: „אמת'ע בעפרייאונג איז דיא זעלבסט־בעפרייאונג“. וויא שטימען דיעזע צוויי זאכען צוזאמען? וויא אזוי קען קומען „דיא אמת'ע בעפרייאונג, דיא זעלבסט בעפרייאונג?“ קען דיא אמת'ע בעפרייאונג קומען דורך שמידען א מגן דוד? דיזע קשיה וועט דער לעזער זיך אומזיסט פרעגען. ער קען קיין ענטפּער אין דעם זשורנאל ניט געפינען. נאָך מעהר, וואָס ווייטער דער לעזער פערטיעפט זיך אין דעם זשורנאל, אלץ מעהר קומט ארוים דיא קשיה: כמעט אויף יעדען בלעטעל, זעהט ער דעם מגן דוד מיט דיא „זעלבסט־בעפרייאונג“, נאָכיאָגען זיך איינס ס'אנדערע, אריבער יאָגען איינס ס'אנדערע, און עס איז ניטאָ קיין מעגליכקייט, זיי זאָלען זיך ווען עס איז צוזאמענטרעפען.

עס איז ניט מעגליך אין דיעזע קורצע רעצענזיע צו אנאליזירען דיא גאנצע פראגע וועגען ציוניזמוס, נאציאָנאליזמוס און סאָציאליזמוס. דאָס וועט, האָף איך געטהאָן ווערען אין „דיא צוקונפט“ ביי אן אנדער געלעגענהייט. איך וויל דאָ נור אויפמערקזאם מאכען אויף דעם איינעם וויעדערשפּרוך צווישען „מגן דוד“ און „זעלבסט־בעפרייאונג“, צווישען „מה יפית“ און קעמפּפען, וועלכער ציהט זיך וויא א שנור דורך דעם גאנצען זשורנאל.

דער ערשטער ארטיקעל איז אן אָבהאנדלונג איבער „דר. הערצעל“, געשריעבען פון ש. וואלדשטיין. איבערלעזענדיג דעם ארטיקעל, ווילט זיך, צוזאמען מיט מענדעלע מוכר ספרים'ס קליאטשע, אויסשרייען: „פּראזען, פּראזען“! אָדער געוואלדיגע אונמעגליכע פּראזען; פּראזען, וואָס זיינען „צו זים צו זיין געזונד“. וויא דער אמעריקאנער זאָגט. אָט איז א פּראָבע.

„און ער (דר. הערצעל) האָט געפיהרט זיין פאָלק צו דיא צוגעזאָגטע לאנד, דורך פּאלאצען און הויפען, וועלכע האָבען הויכע, מעכטיגע, שטענדיג פערשלאָסענע טויערן, דורך פּאלאצען אין וועלכע דיא אוג־מלך־הבשון'ס וואָהנען. און דיעזע טויערן האָבען זיך פאר איהם אָן צוריקהאלטען געעפענט, ניט דורך שטורם האָבען זיי זיך געעפענט,

נור דורך דיא בעצויבערונג פון זיין שטאָלצע, ברעננדע אויג, און האָבען איהם דורכגעלאָזען מיט פּאראד". (דיא טויערן האָבען געמאכט א פּאראד?)

דענקט איהר, אז דיזעס האָט אָנגעשריעבען א מענש, וועלכער גלויבט, אז „דיא אמת'ע בעפרייאונג איז זעלבסט בעפרייאונג"? אָבער שא! ש. וואלדשטיין איז ניט נור א ציוניסט, וואָס איז אזוי בעגייסטערט פאר דעם סולטאנ'ס „פּאלאצען און הויפען" וועמענס טויערן האָבען דר. הערצעל „דורכגעלאָזען מיט פּאראד". ער איז אויך א „סאָציאליסט", און ער געפינט, אז דר. הערצעל איז אויך געוועזן א „שטיקעל סאָציאליסט". צווישען אן אנדער בארג פּראזען, שרייבט ער:

„דאָס איז זיין שאפענס־קראפט, וועלכער האָט אונערמידליך געארבייט און געשאפט, אָבער אויך פאנטאזיע האָט ער געהאט, א רייכע פאנטאזיע, וועלכע קען בעפעלקערן א לאנד אין א צוויי צעהנדליג יאָהר און איהר א רוק טאָן פון דיא עלטעסטע אין ציוויליזאציאָן צו דיא נייע און העכסטע אין סאָציאלען קולטור, צוזאמענפרעסענדיג גאנצע יובל'ען אין יאָהרצעהנדליגע. אמת, אז דיא „אלטע־נייע־לאנד" האָט אין זיך וועניג אידישעס, אָבער דערפאר האָט זיא א רייכע קאָסמאָפּאָליטישע פּראָגראמע; אמת, אז דער סיסטעם אין יענע לאנד שיינט צו זיין וויא אן עקאָנאָמישע פשרה... אָבער מיין גאָט! ליגט דאָס אויף איהם דער גאנצער חוב צו לעזען א מאָל דיזע אונגעהייערע עקאָנאָמישע פראגע?! און מוז מען דען אריינדריקען גאנצע יאהרהונדערטע אין יאהרצעהנטע און א וועלט־פראגע אין דיא פראגע פון אן איינציג פאָלק און אן איינציג לאנד?! גענוג אז זיין שטרעבען, אז אונזער שטרעבען קען בעפרייען דערווייל דעם פאָלק פון פּאָליטישען גלות, פון אלע אנדערע גלות'ן זאָל ער זיך בעפרייען אויף זיין אייגענעם באָדען, דער פון אידישען גלות בעפרייטער איד!"

איך שטעה מיט מיין רעגטיסט אויף א שלעכטען פוס. איהר וועט דאדורך אזוי גוט זיין, ליבער לעזער, און אליין צוקייען דיזע פראזען. איך וויל נור אָנצייגען אויף דיא לעצטע פּאָאר שורות. „גענוג", זאָגט אונזער שרייבער, „אז זיין שטרעבען, אז אונזער שטרעבען קען דערווייל בעפרייען דעם פאָלק פון פּאָליטישען גלות". וויא אזוי קען דאָס אייער ביידענס שטרעבען „בעפרייען דעם פאָלק פון פּאָליטישען גלות"? וויא אזוי דענקט איהר דאָס צו מאכען? מיין ליעבער פריינד, מיילע דר. הערצעל, האָט געהאט זיין פּלאן „פיקס און פערטיג": עפענען א באנק, מאכען א סך געלד פון פּראָצענט און ספּעקולאציע — אמת אידישלאך — און אָבקויפען ארץ ישראל ביי דעם טערק. דאָס האָט ער גערופען. „פּאָליטישער ציוניזמוס" (איך וואָלט עס גערופען „קרעמערישער־ציוניזמוס"), און אז ער האָט נאכהער אויסגעפונען, וויא דער אמעריקאנער זאָגט, „אז מען מוז האָבען צוויי צו מאכען א מסחור", און אז דער „פעטער ישמאל" ענטזאגט זיך צו זיין דער צווייטער, האָט ער, וויא אן אמת'ער סוחר, זיך אָנגעחאפּט אָן עפּעס אנדערש — מיילע פון דיזען פּלאן, איז ניט יעצט דיא צייט צו ריידען. איהר זייט דאָך אָבער א מענש וואָס גלויבט אין „זעלבסט־בעפרייאונג" וויא אזוי דענקט איהר דאָס צו מאכען? איך וויל איהר זאָלט מיך פערשטיין: איך ארגומענטיר ניט יעצט, צו איז אייער אידעע ריכטיג צו ניט. איך גיב אייך צו, אז אידען זיינען א פאָלק מיט אלע פעלקער, נאָך בעסער וויא אלע פעלקער! אז עס וואָלט געוועזן זעהר גלייך, זיי זאָלען האָבען זייער אייגען לאנד א. ז. וו. וויא אזוי אָבער זאָל דאָס צושטאנדע קומען? אויף וואָסער אופן זאָל דיא „אייגענע בעפרייאונג" פון „פּאָליטישען גלות" געמאכט ווערען? אגב אורחה: פון וועלכען „פּאָליטישען גלות" רעט איהר? איהר מיינט דאָך ניט דעם פּאָליטישען גלות פון דיא אמעריקאנער אידען, ווייל דאָ אין אמעריקא זיינען דאָך דיא אידען ניט אין גלות פּאָליטיש, איהר שליעסט אלזאָ אויס א גרויסען טהייל פון דיא אידען פון אייער ציוניזמוס; איהר מיינט דאָך אודאי מייסטענס דיא רוסישע אידען, אָבער דאָרט אין רוסלאנד דארפען נאָך פיעלע אנדער מענשען אויסגעלייזט ווערען פון „פּאָליטישען גלות". ווייסט איהר אפשר פון אן אנדער מיטעל, וויא אזוי דיא אידען זאָלען אויסגעלייזט ווערען פון פּאָליטישען גלות? עס וואָלט געוועזן זעהר גלייך, מיין ליעבער פריינד, איהר זאָלט, אָנשטאָט פראזען, בענוטצען דיא אנדערע זאכען, וואָס ווערען געוועהנליך געברויכט אין אזעלכע ענינים.

איהר האָט אפשר רעכט, אָבער מיר וואָלטען וועלען גענוי וויסען וואָס איהר ווילט, און גלאט פראזען, זאָגען גאָר ניט.

דער צווייטער ארטיקעל: „געדאנקען איבער נאציאָנאליזמוס" איז געשריעבען פון א סאָציאליסט־ציוניסט". דער שרייבער פון דיעזען ארטיקעל בעמיהט זיך צו געבען א „טהעאָריע", וועלכע איז ניט דאָ דער פּלאץ צו אנאליזירען, אָבער איבערלעזענדיג דעם ארטיקעל, וואָלט איך געשוואָרען, אז דאָס האָט געשריעבען דערזעלבער ש. וואלדשטיין. דער גאנצער ארטיקעל בעשטייט פון דיא זעלבע פראזען; פראזען וועלכע עראינערן אָן דיא אנארכיסטישע צייטונג, איידער יאנאָווסקי האָט זיא גענומען אין זיין האנד אריין, אויב איהר געדענקט וואָס דאָס איז געוועזן. און דער סוף פון דעם ארטיקעל איז כמעט דערזעלבער. אָט איז ער:

„און דעריבער איז דער אמת'ער, ריינער נאציאָנאליזמוס פעסט פערבונדען מיט דער פערשפּריי־

טונג מיט דעם זיעג פון סאָציאליזמוס. אָן סאָציאליזמוס קען נִיט געבען קיין פאָלקאָמענע נאציאָנאלע פרייהייט, קען נִיט זיין מעגליך דיא ענטוויקלונג פון אלע טהיילען פון א נאציאָן; און אָהן נאציאָנאליזמוס, דאָס הייסט, אָהן דיא ערהויבונג און אויפלעבונג פון אלע שוואכע, קליינע אונטערדריקטע פעלקער און שטאמען צו פרייע זעלבסטשטענדיגע, ציוויליזירטע נאציאָנען קען נִיט זיין פאָלקאָם דער זיעג פון סאָציאליזמוס“.

היינט געה טרעף וואָס מען מוז פריהער איינפיהרען, דעם נאציאָנאליזמוס, צו דעם סאָציאליזמוס. מען האָט א מאָל א חסידישען רבי'ן געפרעגט: „וויא קומט דאָס, וואָס משה דער אפיקורות האָט אויסגעלעבט דאָס יאָהר, נאָכדעם וויא ער האָט געגעסען יום כיפור, און עס שטעהט דאָך געשריעבען, אז דער איד וואָס עסט אום יום כיפור לעבט ניט אויס דאָס יאָהר?“ „דאָס איז ריכטיג“! האָט ער געענטפערט, „א איד וואָס עסט אום יום כיפור, לעבט טאקי ניט אויס דאָס יאהר, אָבער דער איד וואָס עסט אום יום כיפור, דער איז קיין איד ניט“.

די אנדערע צוויי לייטענדע ארטיקלען אין דעם זשורנאל: „דער פּאָליטישער קאמפף“ פון פייפמאכער, און דער „ציוניזמוס אין אמעריקא“ פון אבגדה, זעהען אויך אויס צו זיין געשריעבען פון איין פערזאָן, פון אן אנדער פערזאָן. דיזע צוויי ארטיקלע זיינען שוין א ביסעל מענשליכער, זיי זיינען חאָטש געשריעבען אויף א מענשישער שפּראכע; אָבער אויך אין דיעזע ארטיקלען זעהט זיך ארויס די אונקלאָרהייט פון דענקען.

דיעזען שרייבער וואָלט איך אָנגערופען „בונדיסט־ציוניסט“. ער שטעהט אין גאנצען אויף דעם שטאנדפונקט פון דיא „בונדיסטען“ מיט דעם אונטערשיעד, וואָס דיא „בונדיסטען“ פערלאנגען „אידישע רעכטע“ אין יעדען לאנד, וואו זיי וואָהנען, ווערענד דער „ציוניסט־בונדיסט“ וויל פיהרען דיא אידען צו דיא כותל מערבי איינפיהרען דיא סאָציאלע געזעלשאפט. וויא אזוי ער דענקט ער אויסצופיהרען. וויא אזוי ער רעכענט צוזאמענצונעהמען אלע אידען און זיי פיהרען קיין ארץ ישראל מאכען א רעוואָלוציאָן, ווייס איין גאָט אויף דעם ציוניסטישען הימעל. אָבער וועגען דיעזען פונקט וועלען מיר א מאָל ריידען באריכות.

דאָס זיינען דיא 4 הויפּט ארטיקלען, אייגענטליך צוויי, אין דעם זשורנאל. ווייטער קומען דיא „שאר ירקות“: א געדיכט פון ראָזענפעלד, סקיצע פון שמואלזאָן, א נייער שרייבער מיט וועלכען ס'איז כדאי בעקאנט צו ווערען, א געדיכט פון ל. לאנדוי, וועלכעס איז גאָר ניט שלעכט, פּאסט זיך אָבער אזוי צו דעם זשורנאל, וויא דער „מגן דוד“ צו דיא „זעלבסט־בעפרייאונג“. א פעליטאָן א. ז. וו. וועלכע מעגען זיין גוט אָדער שלעכט, ווייל זיי זיינען ניט דער עיקר פון דעם זשורנאל. אין גאנצען וויא געזאָגט, מאכט דער זשורנאל דעם איינדרוק וויא אן ארבייט פון ערנסטע, עהרליכע מענשען, וועלכע זיינען, וויא דער דייטש זאָגט, גוטע מענשען, אָבער שלעכטע מוזיקאנטען.

* * *

א גאנץ אנדער ערשיינונג, וויא דיעזער זשורנאל איז א קליין ביכעלע:

---

## סאציאליזמוס אין בית המדרש

פון ל. ראָזענצווייג, ארויסגעגעבען פון דיא ראדיקאל פּוב' קאָ., ניו יאָרק.

דאָס איז ווירקליך א נייע שטימע, דיא שטימע פון סאָציאליזמוס—ארויסגעגעבען אויף דעם אלטען אופן פאר דעם אלטען דור. און דיא שטימע לאָזט זיך הערען גאנץ אנגענעהם, טראָטץ דעם וואָס אין איניגע פלעצער פיהלט זיך א דיסהארמאָניע.

דיא לעזער פון דיא „צוקונפט“ ווייסען געוויס פון דער דיסקוסיאָן וואָס געהט יעצט אָן אין דעם „ארבייטער רינג“: צו מעג מען אריינעהמען רעליגיעזע אין א פּאָרטגעשריטענעם פעראיין? ל. ראָזענצווייג האָט פעראורזאכט דיעזע דעבאטע. פון פיעלע זייטען ווערט ער שארף אָנגעגריפען — מיט רעכט צו מיט אונרעכט, דאָס אינטערעסירט מיך יעצט ניט. איך וויל נור זאָגען: אויב עס איז מעגליך צו געבען א געגנער א פערניכטענדע אנטוואָרט אין פּאָראוים, האָט עס גענאָסע ראָזענצווייג געגעבען מיט דיעזע בראָשורע.

דער „סאָציאליזמוס אין בית המדרש“, זאָגט ראָזענצווייג, איז א רעדע וואָס איז געהאלטען געוואָרען אין א שול שבת פאר קריאת התורה. ער האָט לכתחילה ניט געוואָלט געהן האלטען דיזע רעדע, אָבער א פּאָליטישער הענד־ביל, אונטערשריעבען פון עטליכע רבנים, ראטהענדיג די אידען צו שטימען פאר א געוויסען בעל צדקה האָבען איהם בעשטימט צו האלטען דיעזע רעדע.

„לעזענדיג דיזען סקעבישען צעטעל“, שרייבט ער, „האָב איך זיך געטראכט: ווען דיא רבנים'לעך פערלאָזען דעם בית המדרש און געהן אין פּאָליטיק, דארפען מיר סאָציאליסטען פערלאָזען אויף א ווייל דיא פּאָליטיק און געהן צו דיא אידען אין בית המדרש“.

און ער איז געגאנגען און האָט גערעדט. ער האָט אָבער ניט אָנגעווענדעט דיא מעטאָדע וואָס איניגע פון אונזערע, זאָגנסט גוטע און געאכטעטע גענאָסען ווענדען אָן; ער האָט דיא

אידען, אין זייער „מקום קדוש" ניט בעוויעזען, אז זיי דארפען זיין סאָציאַליסטען על פּי דין; ער האָט זיי ניט אויפגעוויעזען, דאָס נאָך דעם רמב"ם זיינען זיי מחויב צו שטימען פאר דעבס און הענפאָרד; ער האָט צו זיי גערעדט סאָציאַליזמוס, דעם געוועהנליכען, פּראָסטען סאָציאַליזמוס, אָהן א רמז פון דיא תורה. עס איז אמת זיין רעדע איז אין איינינע פלעצער פלאַך, מאַנכע פון זיינע שילדערונגען זיינען איבערטריבען און לאַנגווייליג, דערפאַר זיינען אָבער דאָ אַנדערע שטעלען גאַנץ שטאַרקע.

„איך וויל צו אייך ריידען פון א הייליגקייט, וועלכע איז געבויט אויפ'ן געזונטען מענשענפערשטאנד", זאָגט ער אין אָנפאַנג פון זיין רעדע; און ער רעדט צו זיי אויף אזא אופן, וואָס דער געזונטער „מענשענפערשטאנד" מוז עס בעגרייפען.

„וואָס איז סאָציאַליזמוס"? פרעגט ער, און אָט, וויא ער ענטפערט.

„ווער מאכט א טלית?..... טליתים, חאָטש הייליג, פאלען דאָך ניט אראָפּ פון הימעל. פון וואנען פאָרט נעהמען זיך טליתים? טליתים ווערען געוועבט פון מענשליכע הענט!

ווען איך זאָל אייך פרעגען, ווער האָט בעשאפען אָט דיזע שעהנע, גרויסע געביידע אין וועלכע איהר דאווענט? איז זיא פּליוכט אויסגעוואקסען פון רעגען?

ניין! וועט איהר ענטפערן, קיינע טעמפּלען און קיינע הייזער וואקסען ניט פון רעגען.

וויא אזוי זשע פאָרט בעשאפט מען א הויז?

כדי א הויז זאָל בעשאפען ווערען איז נויטיג מענשליכע הענד און מענשליכע קראפט!

ווער האָט בעשאפען דעם ראָק.... איז ער פּליוכט בעשאפען געוואָרען פון תהילים זאָגען? איהר ווייסט, אז ניין!.....

ווער האָט בעשאפען דיא אייזענבאהנען? מענשליכע הענד, מענשליכע קראפט, מענשליכער שוויים!...

ווער פערוואנדעלט א שטיק פערשטיינערטע ערד אין א פרוכטבארע פעלד? מענשליכע הענד! ווער פערוואנדעלט דעם ווייץ אין ברויט? מענשליכע הענד!.....

ווער האָט געמאכט דיא קרוין אויף דעם הערשער'ס קאָפּ? מענשליכע הענד! ווער האָט בעשאפען דיא נאָדעל מיט וועלכע איהר נייט קליידער פאר דער גאנצער וועלט? מענשליכע הענד! ווער בעשאפט אלע רייכטהימער פון דער וועלט? מענשליכע הענד! ווער דיא וויגעלע און ווער דעם קבר? מענשליכע הענד!

טאָ קומט דער סאָציאליזמוס און לעהרענט אזוי:

אויב דער רייכטהום פון דער וועלט ווערט בעשאפען פון מענשליכע הענד, זאָל דער רייכטהום געהערען צו דיא הענד וועלכע בעשאפען איהם".

דאָס איז אלץ ניט קיין נייעס, זאָגט איהר. אמת. אָבער דער פּלאַץ וואו דאָס איז געזאָגט געוואָרען און די ארט און ווייזע ווי דאָס איז געזאָגט געוואָרן, גיבט די רעדע צו אן עקסטרא חן. זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, ווען א סאָציאַליסט קומט שבת פאר קריעת התורה אין א שול אריין און פרעגט דיא אידען: „איז נאָך פאראנען א גרעסערע קללה פאר אייך, וויא ווען איהר זייט געצוואונגען צו שיקען אייער האלב דערוואקסענע מיידעל אין שאפּ אריין? איז דער שאפּ א פּלאַץ צו ערציהען א מיידעל?" האָט ער צו זיי גערעדט זאכען, וועלכע דער פּראָסטעסטער מענשענפערשטאנד קען בענעהמען. א טאַטען וואָס האָט מיידלאָך אין שאפּ, ריהרט אזא פראגע אָן ביז דיא זיבעטע ריפּ, אָהן א רמז פון דיא תורה.

און דיזע ארט און ווייזע פון ערקלעהרען דעם סאָציאַליזמוס מאכט דאָס ביכעלע זעהר געאייגענט, טראָטץ איינינע פעהלערן, צו פערשפּרייטען דעם סאָציאַליזמוס צווישען אלע סאָרטען אידען, רעליגיעזע וויא ניט רעליגיעזע.

יאַם.

## קוויטירונג פון דיא ערהאלטענע געלד פיר קאָפּיעס פון אָרגאַניזאַציאָנען פון 15טען אָקט. ביז 15טען נאָוועמבער

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| בר. 2 אר. רינג ניו יאָרק | 12.50 | בר. 32 אר. רינג שיקאגאָ | 2.50 | בר. 78 אר. רינג סינסינעטי | .75 |
| בר. 1 אר. רינג ניו יאָרק | 10.00 | בר. 35 אר. רינג ניו יאָרק | 1.00 | בר. 80 אר. רינג ניו יאָרק | 1.00 |
| בר. 3 אר. רינג ברוקלין | 8.50 | בר. 40 אר. רינג ניו יאָרק | 1.70 | בר. 82 אר. רינג ניו יאָרק | .75 |
| בר. 6 אר. רינג ברוקלין | 5.00 | בר. 41 אר. רינג אנסאָניא | .50 | בריסקער ראדיקאלען — | 4.50 |
| בר. 7 אר. רינג וו. האָבאָקען | 4.32 | בר. 45 אר. רינג פּיטסבורג | 1.34 | בוטענער — — — — | 1.00 |
| בר. 8 אר. רינג ניו יאָרק | 2.75 | בר. 46 אר. רינג לינן, מאס. | 3.00 | גראָדנער רעוואָל. — — | 1.00 |
| בר. 11 אר. רינג ברוקלין | 20.00 | בר. 48 אר. ר. ברידזשפּאָרט | .78 | יונג פרענדס ליט. — — | 2.00 |
| בר. 13 אר. רינג פּעטערסאָן | 7.20 | בר. 51 אר. רינג ניו יאָרק | 1.00 | יונייטעד ניטערס יוניאָן | 1.25 |
| בר. 16 אר. רינג סומיטה | .85 | בר. 56 אר. רינג ניו יאָרק | 1.00 | לאָמזער יאָנג מען — | 2.00 |
| בר. 17 אר. רינג ניוהייווען | 4.44 | בר. 59 אר. רינג האַרטפאָרד | 2.00 | סאָצ. ליטעראַרי סאָסייעטי | 1.20 |
| בר. 21 אר. רינג ניובורג | 1.25 | בר. 62 אר. רינג פּאסייק | 3.00 | עליסאווועטגראַדער — — | 1.50 |
| בר. 22 אר. רינג ניובריטיין | 4.55 | בר. 64 אר. רינג לינן, מאס. | 1.50 | פּלאָצקער פּראָגרעסיווע — | 1.25 |
| | | בר. 71 אר. רינג ניו יאָרק | 1.00 | קאָוונער רעוואָלוציאָנערען | 1.70 |
| | | בר. 77 אר. ר. אגוסטאַווער | 1.50 | שקלאָווער יאָנג מען — | 1.25 |

221114
NOT FOR
HOME CIRCULATION